STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00109

# TORAH, NEVIIM, U-KHETUVIM

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Professors Irene Merker Rosenberg & Yale L. Rosenberg*
*in memory of their parents,*
*Sam & Sylvia Merker and Morris I. & Rosa P. Rosenberg*

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-00109-0

c:\yiddish\Titles\9780657001094T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

# תורה נביאים וכתובים

עם יידיש
תרגום פון
## יהואש

שנת תש"א לפק
נו־יורק   ניו־יארק

הוצאת
יהואש פארלאַג געזעלשאַפט

מארגען זשורנאל אויסגאבע

Copyright, 1941 by
Yehoash Farlag Gezelshaft
in the United States

Copyright in Great Britain, Canada and in all countries which are members of the International Copyright Union and which are signatory to the Copyright Conventions of Montevideo, Mexico, Rio de Janeiro, Buenos Aires and Habana.

All rights to the Yiddish and Hebrew Texts, individually and jointly, reserved, including the rights to the introductions, the unique arrangement of the accent- and vowel-points in the Hebrew text, the footnotes and supplementary notes thereto appertaining. No part of this book may be reprinted or reproduced in any form without permission in writing from the publisher, except by reviewers, who may quote brief passages in reviews to be printed in magazines and newspapers.

Printed in U.S.A.

JEWISH JOURNAL EDITION

מדויק היטב
על פי המסורה
ועל פי דפוסים ראשונים
עם הערות
על ידי

דער
העברעאישער טעקסט
איבערגעקוקט
און די הערות
צוגעגעבן פון

# הרב ר' חיים מרדכי הכהן ברנר

התרגום הוגה
על ידי
חתן המתרגם
ואשתו בת המתרגם

יידישער טעקסט
איבערגעקוקט
און קארעקטור געלייענט
פון

אברהם דוב-בער דווארקין
חוה יהואש-דווארקין

זעצעריי: דזשואיש פּאַבליקײשאָן סאָסאַיעטי אָוו אַמעריקע, פילאַדעלפיע. הויפּט זעצער: דוד סקאַראַטאָן
פּלאַטן—וועסטקאָט־טאָמסאָן, פילאַדעלפיע. דרוקעריי: א. כהן, קליוולאַנד
שער־בלאַט געצייכנט פון פּרץ קאַמינסקי טאָוול געצייכנט פון שלמה וויטקעוויטש

# יהואש'ס הקדמה*

דער לייענער האָט אַ רעכט צו דערוואַרטן, און מיר וואָלט זיך אַוודאי אים געוואָלט געבן, אַ באַריכותדיקן, אויספירלעכן אַריינפיר צו מיין איבערזעצונג. אָבער „די צייט איז קורץ און די אַרבעט איז גרויס", און די נייטיקע לענגערע הקדמה וועט מוזן וואַרטן ביז אַ פרייערער צייט. איך וועל בלויז אין קורצע, אַלגעמיינע שטריכן אָנטייטן די מאָטיוון, וואָס האָבן מיך געטריבן צו מיין אַרבעט; דעם פּלאַן וואָס איך האָב געהאַט פאַר די אויגן, און דעם צוועק וואָס איך האָב זיך געשטעלט, ווי אויך דעם מעטאָד וואָס איך האָב געברויכט.

די שאַפונג פון אַ יידישן תנ"ך איז ביי מיר געווען דער חלום פון אַ לעבן. דאָס איז געווען אַ טאָפּעלע ליבשאַפט. פון איין זייט, צו דעם שענסטן מענטשלעכסטן בוך פון יידישן פאָלק און פון אַלע פעלקער, און פון דער אַנדער זייט, צו אונדזער יידישן לשון. וואָרום יעטוועדער לשון ביי אַלע זיינע ענדערונגען און נייגעשטאַלטונגען וואָס גייען נאָכאַנאַנד אָן אין אים, מוז האָבן אַ חוט־השדרה וואָס ריגלט־דורך און האַלט־אויף דעם גאַנצן אָרגאַניזם, וואָס איז פעסטקייט און דויערהאַפטיקייט אין מיטן פון באַוועגלעכקייט און פליסיקייט און אַנטוויקלדיקייט. אייביקייט אין מיטן פון צייטלעכקייט. אַזאַ חוט־השדרה קען בלויז געבן אַ תנ"ך־סטיל. בלעטער פאַלן און בלעטער קומען, און דער שטאַם בלייבט און האַלט־אויף די אייניקייט פון דעם בוים. די שפּראַך קריגט צו נאָכאַנאַנד נייע אוצרות, און וואַרפט נאָכאַנאַנד אַראָפּ פון זיך פאַרוועלקטע פאָרמען; אָבער איר רוקנביין בלייבט דער אייגענער, מוז בלייבן דער אייגענער, אויב זי וויל אָנהאַלטן איר יחוס, און וויל ניט אָנהייבן איר געשיכטע אַלע פרימאָרגן.

איך האָב צו זיך געזאָגט: אַ תנ"ך אין יידיש, אַ תנ"ך וואָס זאָל אָנגענומען ווערן ווי אַ קלאַסישער, אויטאָריטעטער טעקסט פון אַלע קלאַסן, אַלע געזינונגען און אָנשויאונגען, מוז ראשית־כל זיין געטריי צו דעם אָריגינאַל. ניט פעלשן, ניט מאָדיפיצירן, ניט פאַראַפראַזירן, ניט אויסטייטשן מיט כוונות, וואָס די כוונות זאָלן ניט זיין, נאָר איבערגעבן דעם העברעאישן טעקסט געטריי און געגוי, לויט די בעסטע אויסטייטשונגען פון די אַלטע און די נייע. דער יידישער תנ"ך זאָל ניט צולייגן אָדער מינערן דאָס מינדסטע, אויף ווי ווייט אַזאַ זאַך איז מעגלעך ווען מען גיסט איבער פון איין שפּראַך־כלי אין אַ צווייטער.

אַ תנ"ך אין יידיש, האָב איך געזאָגט, דאַרף ניט אָנהייבן פון היינט אָדער נעכטן. ער דאַרף אַריינעמען אַלע אַלטפרענקישע זאַפטן פון די אַלטע ספרים. די גאַנצע אידיאָמאַטישע עשירות פון די אַלטע איבערזעצונגען, מוסר־ספרים, מעשה־ביכער, שפּריכווערטער, ווערטלעך, פאָלק־וויצן, א.אז.וו. מוז עקספּלאָטירט ווערן פאַר דערדאָזיקער אַרבעט. אַזוי, אַז אין איינעם מיט מאָדערנער גענויקייט און וואָרט־קאַרגשאַפט, זאָל דער טעקסט אויך האָבן די גאַנצע קערנדיקייט און היימישקייט און טראַדיציאָנעלקייט פון דער צאינה־וראינה שפּראַך. אַ תנ"ך אין יידיש דאַרף פיקסירן ווי ווייט מעגלעך געוויסע ווערטער און אויסדרוקן, וואָס ווערן אָן אים אונטערגיין. שיינע, זאַפטיקע ווערטער, וואָס דער רבי האָט געברויכט אין חדר, און וואָס פאַרשווינדן אין איינעם מיטן חדר. דער יידישער תנ"ך־לשון דאַרף אויך זיין דער שענסטער סינטעז פון אַלע דיאַלעקטן פון אונדזער מאַמע־לשון. איטלעכער דיאַלעקט דאַרף ביישטייערן פון זיין אייגנטימלעכן ווערטעראָץ צו דעם בוי פון אַ יידישער ביבל.

דער תנ"ך, אַחוץ זיין וווּנדערלעכן אינהאַלט, איז ריטם און מוזיק. אָט דערדאָזיקער ריטם מוז אַרויסגעבראַכט ווערן אין דער פאַריידישונג, סיי דאָס איז דער טעמפּ פון פּאַטריאַרכאַלישער פשטות און ליכטיקייט, סיי דאָס איז דער ראַפּסאָדישער שווונג פון זינג־געזאַנגען, סיי דאָס איז דער אימפּעטיקער ריטם פון די נביאים, סיי דער רואיקער חכמה־טאָן פון קהלת, אָדער די לירישע זעל־פאַרגייעניש פון תהלים.

דאָס איז געווען, בקיצור, דער פּראָגראַם וואָס איך האָב זיך אָנגעצייכנט. אויב איך האָב בלויז אַ טייל פון מיין באַגער דערפילט, וואָלט איך זיך געהאַלטן פאַר רייך באַלוינט. נאָך אַזויפיל יאָר פון נאָכאַנאַנדיקער אַרבעט איבער דער איבערזעצונג, שפּיר איך, אַז ווען איך וואָלט געהאַט מעררערע לעבנס, און וואָלט זיי אַלע אָפּגעגעבן בלויז אויף דערדאָזיקער אַרבעט, וואָלט עס ניט געווען צו פיל, ווייט ניט צו פיל.

די איבערזעצונג איז געמאַכט אין שטרענגער געטריישאַפט צו דער מסורה. אין אַ באַזונדער בוך אָדער אין ביילאַגן צו די ספרים וועלן געגעבן ווערן די שנויי־נוסחאות פון די אַלטע ווערסיעס, ווי אויך די פאָרגעשלאָגענע עמענדאַציעס פון די פאָרשער, דאָרט ווו דער טעקסט פון דער מסורה איז ניט קלאָר. עס וועלן אויך געגעבן ווערן דערקלערונגען און באַלייכטונגען צו יענע שטעלן, וואָס פאָדערן אַ פּירוש. דערצו וועלן אין פיל פסוקים געבראַכט ווערן אויך אַנדערע אויסטייטשונגען ווי די וואָס זיינען געברויכט געוואָרן אין דער איבערזעצונג גופא. עס וועלן אויך זיין פיל אַנדערע אָנמערקונגען צו דעם טעקסט בכלל**. . . . .

* די הקדמה האָט יהואש ז"ל געהאַט בדעה צוצוגעבן צו זיין תנ"ך־איבערזעצונג. — (די אַרויסגעבער)

** עס זיינען פאַרבליבן פיר בענד אָנמערקונגען צום תנ"ך, וועלכע יהואש האָט געמאַכט גלייכצייטיק מיט זיין איבערזעצונג. מיר וועלן זיך באַמיען די אָנמערקונגען אַרויסצוגעבן. — (די אַרויסגעבער)

# אַ וואָרט פון די אַרויסגעבער

מיטן אַרויסגעבן פון דער ייִדישער תנ"ך־איבערזעצונג פון יהואש ז"ל, צוזאַמען מיטן פּנים, ווערט אייגנטלעך פאַרענדיקט אַ ציקל פון איבער פופציק יאָר אַרבעט אַרום תנ"ך — פון יהואשן אַליין און פון די, וואָס האָבן זיך פאַרנומען מיטן אַרויסגעבן סיי די שוין דערשינענע ייִדישע אויסגאַבעס און סיי די איצטיקע אויסגאַבע.

שוין אין די ערשטע לידער, וואָס דער גרויסער דיכטער יהואש ע"ה האָט אָנגעהויבן שרייבן מיט איבער פופציק יאָר צוריק אין זיין שטעטל ווערזשבעלאָוו, פאַרנעמען דעם חשובסטן פּלאַץ לידער איבער תנ"ך מאָטיוון. ווי עס ווייזט אויס, זיינען שוין דעמאָלט די זאָמען פון דער גרויסער אַרבעט פון דעם שפּעטערדיקן איבערזעצער געווען פאַרזייט אין דער נשמה פון דעם יונגן דיכטער. אַזוי אַז פון זיינע ערשטע לידער איבער תנ"ך מאָטיוון ציט זיך אַ קייט ניט קיין איבערגעריסענע פון אַרבעט איבער און אַרום תנ"ך, ביז דער לעצטער מינוט פון יהואש'ס לעבן.

צענדליקער יאָרן פון זיין לעבן האָט יהואש ז"ל אָפּגעגעבן אויף תנ"ך־פאָרשונג. אַחוץ זיין גרויסער בקיאות אין תנ"ך, וועלכע ער האָט געקראָגן פון זיין פאָטער ר' כלב, וועלכער האָט מיט אים אַליין געלערנט, און זיין גרויסער לומדות, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון וואָלאָזשינער ישיבה, האָט יהואש ע"ה אויך געקענט אַלע אייראָפּעאישע הויפּט שפּראַכן, ווי אויך אַלע וויכטיקסטע קלאַסישע לשונות. און איידער ער האָט זיך גענומען צו זיין תנ"ך־איבערזעצונג איז ער שוין געווען גוט באַקאַנט מיט אַלע איבערזעצונגען פון תנ"ך אין אַט די לשונות. און נאָכדעם ווי אים האָט זיך שוין אויסגעדוכט, אַז ער איז ראָוי זיך צו פאַרנעמען מיט דער מלאכת־הקדש, האָט ער באַשלאָסן אַוועקצופאָרן קיין ארץ ישראל בכדי דאָרטן זיך איינצולעבן אין דער גאַנצער תנ"ך סביבה.

עס איז געווען דער גרויסער חלום פון יהואשן, אַז זיין תנ"ך־איבערזעצונג זאָל ווען עס איז אַרויס צוזאַמען מיטן פּנים. און מיר, די יורשים, זיינען גליקלעך, וואָס עס איז אונדז באַשערט געוואָרן די זכיה דורכצופירן דעם ווונטש פון יהואש ז"ל.

עס איז אוממעגלעך אין אַ קורצער הקדמה איבערצוגעבן אַלע שוועריקייטן, וואָס עס זיינען געווען פאַרבונדן מיטן אַרויסגעבן פון די פאַרשיידענע אויסגאַבעס פון יהואש'ס תנ"ך־איבערזעצונג, און דערהויפּט מיט אָט דער אויסגאַבע. מיר האָבן זיך באַמיט אין דער אויסגאַבע, און מיר האָפן, אַז עס איז אונדז געראָטן, צו קאָרעגירן אַלע דרוק־פעלערן, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין די ערשטע צוויי אויסגאַבעס (די ערשטע, די אַכט־בענדיקע און די צווייטע, די פאָלקס־אויסגאַבע אין צוויי בענד); די אָרטאָגראַפיע האָבן מיר אַ ביסל געענדערט, לויט די לעצטע תקנות פון דעם ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט — אַחוץ אין עטלעכע פאַלן ווו יהואש ז"ל אַליין האָט געהאַט באַשטימטע געזעצן, ווי אַ שטייגער: „עלטסטע" — זְקֵנִים, שָׂרִים, און „עלצטע" — שָׁלִשִׁים, רַב, און עטלעכע אַנדערע פאַלן. מיר האָבן אויך אין דער אויסגאַבע אַריינגעגעבן די שנויים אין דער איבערזעצונג פון חומש, וועלכע יהואש ע"ה האָט אַליין געמאַכט עטלעכע וואָכן פאַר זיין פּטירה (יהואש האָט בלויז דערלעבט צו זען חומש אין דרוק). מיר האָבן זיך אויך באַמיט, אַז אין דער אויסגאַבע זאָלן די נקודות אין די העברעאישע ווערטער און נעמען אין דעם ייִדישן טעקסט זיין אויסגעהאַלטן דורכן גאַנצן ספר.

במשך פון דער לעצטער צייט איז ניט געשען, אַז גאַנץ תנ"ך אין אָריגינאַל, אָן מפרשים, זאָל צוגעגרייט ווערן פון אַ ייִדישער געזעלשאַפט, דורך ייִדן און פאַר ייִדן. געוויינטלעך זיינען כמעט אַלע תנ"ך־אויסגאַבעס אָן מפרשים, וואָס ווערן פון אונדז ייִדן איצט באַנוצט, אַרויסגעגעבן אָדער פריער צוגעגרייט געוואָרן פון גוייִשע ביבל געזעלשאַפטן.

אונדז דוכט זיך, אַז עס איז געלונגען, אַז דער פּנים אין אָט דער אויסגאַבע זאָל זיין אָן גרייזן. פאַר דער הגהה ווילן מיר אויסדריקן אונדזער טיפסטע אָנערקענונג און דאַנק צו הרב ר' חיים מרדכי הכהן ברעכער, וועלכער האָט אַוועקגעגעבן דריי יאָר כסדרדיקע אַרבעט צו מגיה זיין דעם פּנים. מיר האָבן ניט גענוג שבחים פאַר זיין אָפּגעהיטקייט און ערלעכקייט אין דער אַרבעט.

מיר אַליין וואָלטן די שווערע אַרבעט פון אַרויסגעבן עטלעכע תנ"ך־אויסגאַבעס ניט געקענט דורכפירן אָן דער הילף פון אַ צאָל פריינט, וועלכע האָבן יעדער אויף זיין שטייגער עפּעס צוגעטראָגן, און געמאַכט מעגלעך אַז די אַלע תנ"ך־אויסגאַבעס, וועלכע מיר האָבן ביז איצט אַרויסגעגעבן, זאָלן קענען אַרויסגיין. ווילן מיר זיך באַנוצן מיט דער געלעגנהייט און פאַרצייכענען די נעמען פון די, וועלכע האָבן מיט זייער הילף פיל בייגעטראָגן, אַז די אַרבעט זאָל צו שטאַנד קומען.

דעם בכבודיקסטן פּלאַץ אין דער ריי דאַרף, אָן קיין שום צווייפל, פאַרנעמען דער נאָמען פון פלאָראַ יהואש ע"ה, די ווונדערלעכע, הייליקע נשמה, די איבערגעגעבענע פרוי פון דעם איבערזעצער. איר געטריישאַפט און ערנסט, איר אומערמידלעכע איבערגעגעבנקייט אַרום אַלץ, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט יהואש'ס פּען וועט אויף אייביק בלייבן ווי אַ סימבאָל פון מסירת־נפשדיקער אַרבעט.

אונדזער אייביקער דאַנק צו דעם וועמען יהואש ז"ל אַליין האָט אָנגערופן „דער ווונדער־מענטש", אַלפרעד כהן אָן וועמעס שטיצע און דערמוטיקונג וואָלט אָט די אַרבעט געווען אַ סך, אַ סך שווערער — און אפשר גאָר אוממעגלעך. מיר קענען ניט גענוג אָפּשאַצן די געטריישאַפט און איבערגעגעבנקייט צו יהואשן פון זיין גרעסטן חסיד און פריינט, ב. וויט,

וועלכער האָט זיין גאַנצן לעבן אַוועקגעגעבן אויף צו שטודירן און זאַמלען אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיטן נאָמען יהואש. מיטן גרעסטן יראת הכבוד ווילן מיר פאַרצייכענען די נעמען פון דר. חיים ספיוואַק ז״ל און פּראָפעסאָר ישראל דאַווידסאָן ע״ה, וועלכע זיינען געווען צווישן די געטרייסטע יוגנט־פריינט פון יהואשן און וועלכע האָבן בייגעטראָגן זייער טייל צו דער אַרבעט מיט דעם, וואָס זיי האָבן געלייענט און פאַרגליכן דעם העברעאישן טעקסט מיט יהואש'ס איבערזעצונג. די זעלבע אַרבעט האָט אויך געטאָן אונדזער פריינט דר. יצחק נחמני, פאַר וועלכער מיר דריקן אים אויס אונדזער טיפסטן און האַרציקסטן דאַנק. אַ טייל קאָרעקטור אין דער ערשטער אויסגאַבע האָט געלייענט אונדזער נאָנטער פריינט י. ד. בערקאָוויטש, פאַר וואָס מיר ברענגען אים אונדזער דאַנק. מיט אַ באַזונדערער וואַרעמקייט ווילן מיר דערמאָנען דעם נאָמען פון יצחק ריבקינד, דעם געטרייען פריינט, וועלכער האָט אַוועקגעגעבן טעג און וואָכן און חדשים אויף צו העלפן אין דער אַרבעט. ניט נאָר האָט ער זיך פאַרנומען מיט דער אַרבעט ביי יהואש'ס לעבן, נאָר אפילו נאָך יהואש'ס פטירה. ער האָט אַוועקגעגעבן פיל צייט אויף צו פאַרגלייכן דעם יידישן טעקסט מיטן העברעאישן און האָט אונדז אַ סך אַרויסגעהאָלפן מיט זיינע טיף־לומדישע אָנווייזונגען. מיט ספּעציעלער דאַנקבאַרקייט ווילן מיר דערמאָנען אונדזער פריינט נ. כאַנין, אָט דעם וואַרעמען מענטשן, וועלכער האָט ביים שווערסטן מאָמענט, צום סוף פון דער אַרבעט, אונדז אויסגעשטרעקט אַ ברידערלעכע האַנט און אונדז געהאָלפן אויף פאַרשיידענע אופנים. דורך זיין הילף איז אונדז כמעט געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן די אַרבעט. מיר ווילן אויך באַדאַנקען די צוויי ניו־יאָרקער יידישע צייטונגען „דער טאָג״ און „פאָרווערטס״, וואָס דורך זייער פאַרשפּרייטן די פאָלקס־אויסגאַבע פון יהואש'ס תנ״ך־איבערזעצונג האָבן זיי אַ סך מיטגעהאָלפן צו דעם דערפאָלג פון דער אונטערנעמונג. די ראַם וואָלט ניט געווען פאַרפולט, ווען מיר דערמאָנען ניט מיט דאַנקבאַרקייט די פריינט מ. שעלובסקי פון „טאָג״ און אַלעקס קאַהאַן און סאָול ריפקין פון „פאָרווערטס״, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן אַ סך צייט און אַרבעט כדי דאָס פאַרשפּרייטן פון יהואש'ס תנ״ך־איבערזעצונג דורך זייערע צייטונגען זאָל זיין אַ דערפאָלג. אַ דאַנק קומט פּראָפעסאָר אַלכסנדר מאַרקס, ביבליאָטעקער פון יידישן טעאָלאָגישן סעמינאַר, און דער אַדמיניסטראַציע פון דער ביבליאָטעק; דר. שאַפּיראָ, ביבליאָטעקער פון דער סעמיטישער אָפּטיילונג פון דער „קאָנגרעשענאַל לייברערי״ אין וואַשינגטאָן, און דער ביבליאָטעק אַדמיניסטראַציע; און יודאַ יאַפע־פאַר זייער הילף דורך אויסלייען פאַרשיידענע זעלטענע ספרים וועלכע, סיי יהואש ע״ה און סיי מיר, די אַרויסגעבער, האָבן נייטיק באַדאַרפט פאַר דער אַרבעט. מיר ווילן אויך אויסדריקן אונדזער אַנערקענונג צו דער „דזשואיש פּאָבליקעישאָן סאָסאַייעטי״ פון פילאַדעלפיע און איר סעקרעטאַר מ. דזשייקאָבס פאַר זייער האַרציקער און פריינטלעכער באַציאונג צו אונדז. מיט אַכטונג פאַרצייכענען מיר די נעמען פון די צוויי הויפּט זעצער פון דער „דזשואיש פּאָבליקעישאָן סאָסאַייעטי״— דוד סקאַראַטאָן און פּ. הערשטיין—אויף וועמען עס איז געפאַלן די שווערע און זייער פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט פון זעצן דעם תנ״ך. מיר באַדאַנקען זיי האַרציק פאַר די צוויי יאָר געדולדיקע און פּאַרזיכטיקע אַרבעט און פאַר זייער אויפמערקזאַמקייט און אָפּגעהיטקייט ביים זעצן דעם תנ״ך, ווי אויך פאַר זייערע ווערטפולע טעכנישע אָנווייזונגען. צום סוף, ווילן מיר באַדאַנקען אַלע מיטגלידער פון דעם „יהואש תנ״ך פאָלקס־אויסגאַבע קאָמיטעט״ וועמעס אָנטייל האָט אַזוי פיל פאַרלייכטערט אונדזער אַרבעט.

עס איז אוממעגלעך אין די ראַמען פון אַ קורצער הקדמה צו דערמאָנען אַלע נעמען פון יחידים און יידישע אָרגאַניזאַציעס וועלכע האָבן מער אָדער ווייניקער מיטגעהאָלפן די אַלע יאָרן אין דער אַרבעט אַרום דעם תנ״ך. איז, אויב מיר האָבן עמיצן פאַרגעסן צו דערמאָנען, בעטן מיר ביי זיי מחילה און מיר גיבן זיי אונדזער דאַנק און אונדזער ברכה.

מיר אַליין—די יורשים און אַרויסגעבער פון יהואש'ס ליטעראַרישער ירושה—ווילן פאַרענדיקן אונדזער וואָרט, באַנוצנדיק זיך מיט עטלעכע ווערטער פון יהואש'ס אייגענער הקדמה.

נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אָנגעשטרענגטער אַרבעט אַרום יהואש'ס ליטעראַרישער ירושה, שפּירן מיר, אַז ווען מיר וואָלטן „געהאַט מערערע לעבנס און״ וואָלטן „זיי אַלע אַוועקגעגעבן בלויז אויף דערדאָזיקער אַרבעט, וואָלט עס ניט געווען צו פיל, ווייט ניט צו פיל.״

אַברהם דוב־בער דוואָרקין
חוה יהואש דוואָרקין

# בְּרֵאשִׁית

א בְּרֵאשִׁית בָּרָא אֱלֹהִים אֵת הַשָּׁמַיִם וְאֵת הָאָרֶץ׃ וְהָאָרֶץ
ב הָיְתָה תֹהוּ וָבֹהוּ וְחֹשֶׁךְ עַל־פְּנֵי תְהוֹם וְרוּחַ אֱלֹהִים
ג מְרַחֶפֶת עַל־פְּנֵי הַמָּיִם׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי אוֹר וַיְהִי־
ד אוֹר׃ וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת־הָאוֹר כִּי־טוֹב וַיַּבְדֵּל אֱלֹהִים בֵּין
ה הָאוֹר וּבֵין הַחֹשֶׁךְ׃ וַיִּקְרָא אֱלֹהִים ׀ לָאוֹר יוֹם וְלַחֹשֶׁךְ
קָרָא לָיְלָה וַיְהִי־עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם אֶחָד׃ פ
ו וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי רָקִיעַ בְּתוֹךְ הַמָּיִם וִיהִי מַבְדִּיל בֵּין
ז מַיִם לָמָיִם׃ וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת־הָרָקִיעַ וַיַּבְדֵּל בֵּין הַמַּיִם
אֲשֶׁר מִתַּחַת לָרָקִיעַ וּבֵין הַמַּיִם אֲשֶׁר מֵעַל לָרָקִיעַ וַיְהִי־
ח כֵן׃ וַיִּקְרָא אֱלֹהִים לָרָקִיעַ שָׁמָיִם וַיְהִי־עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר
יוֹם שֵׁנִי׃ פ
ט וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יִקָּווּ הַמַּיִם מִתַּחַת הַשָּׁמַיִם אֶל־מָקוֹם אֶחָד
י וְתֵרָאֶה הַיַּבָּשָׁה וַיְהִי־כֵן׃ וַיִּקְרָא אֱלֹהִים ׀ לַיַּבָּשָׁה אֶרֶץ
יא וּלְמִקְוֵה הַמַּיִם קָרָא יַמִּים וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃ וַיֹּאמֶר
אֱלֹהִים תַּדְשֵׁא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע עֵץ פְּרִי
עֹשֶׂה פְּרִי לְמִינוֹ אֲשֶׁר זַרְעוֹ־בוֹ עַל־הָאָרֶץ וַיְהִי־כֵן׃
יב וַתּוֹצֵא הָאָרֶץ דֶּשֶׁא עֵשֶׂב מַזְרִיעַ זֶרַע לְמִינֵהוּ וְעֵץ עֹשֶׂה־
יג פְּרִי אֲשֶׁר זַרְעוֹ־בוֹ לְמִינֵהוּ וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃ וַיְהִי־
עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם שְׁלִישִׁי׃ פ
יד וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יְהִי מְאֹרֹת בִּרְקִיעַ הַשָּׁמַיִם לְהַבְדִּיל בֵּין
הַיּוֹם וּבֵין הַלָּיְלָה וְהָיוּ לְאֹתֹת וּלְמוֹעֲדִים וּלְיָמִים וְשָׁנִים׃

---

א, ב. ובהו  יא, הדי בדיק ובספרי ספרד ברביע

א [1] אין אָנהייב האָט גאָט באַשאַפן דעם הימל און די ערד. [2] און די ערד איז געווען וויסט און ליידיק, און פינצטערניש איז געווען אויפן געזיכט פון תהום, און דער גייסט פון גאָט האָט געשוועבט אויפן געזיכט פון די וואַסערן.

[3] האָט גאָט געזאָגט: זאָל ווערן ליכט. און עס איז געוואָרן ליכט. [4] און גאָט האָט געזען דאָס ליכט אַז עס איז גוט; און גאָט האָט פאַנאַנדערגעשיידט צווישן דעם ליכט און צווישן דער פינצטערניש. [5] און גאָט האָט גערופן דאָס ליכט טאָג, און די פינצטערניש האָט ער גערופן נאַכט. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, איין טאָג.

[6] האָט גאָט געזאָגט: זאָל ווערן אַן אויסשפּרייט אין מיטן פון די וואַסערן, און ער זאָל פאַנאַנדערשיידן צווישן וואַסערן און וואַסערן. [7] און גאָט האָט געמאַכט דעם אויסשפּרייט, און האָט פאַנאַנדערגעשיידט צווישן די וואַסערן וואָס אונטער דעם אויסשפּרייט און צווישן די וואַסערן וואָס איבער דעם אויסשפּרייט. און עס איז אַזוי געשען. [8] און גאָט האָט גערופן דעם אויסשפּרייט הימל. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, אַ צווייטן טאָג.

[9] האָט גאָט געזאָגט: זאָלן זיך אײַנזאַמלען די וואַסערן פון אונטערן הימל אין איין אָרט, און זאָל זיך באַווייזן די יבשה. און עס איז אַזוי געשען. [10] און גאָט האָט גערופן די יבשה ערד, און די אײַנזאַמלונג פון די וואַסערן האָט ער גערופן ימען. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט.

[11] האָט גאָט געזאָגט: זאָל די ערד אַרויסגראָזן גראָז, קרייטעכץ וואָס גיט אַרויס זאָמען, פרוכטביימער וואָס טראָגן פרוכט אויף דער ערד לויט זייערע מינים, וואָס זייער זאָמען איז אין זיי. און עס איז אַזוי געשען. [12] און די ערד האָט אַרויסגעבראַכט גראָז, קרייטעכץ וואָס גיט אַרויס זאָמען לויט זיינע מינים, און ביימער וואָס טראָגן פרוכט, וואָס זייער זאָמען איז אין זיי, לויט זייערע מינים. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט. [13] און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, אַ דריטן טאָג.

[14] האָט גאָט געזאָגט: זאָלן ווערן ליכטער אין דעם אויסשפּרייט פון הימל, פאַנאַנדערצושיידן צווישן דעם טאָג און צווישן דער נאַכט, און זיי זאָלן זיין פאַר צייכנס און פאַר צייטן, און פאַר טעג און יאָרן. [15] און זיי זאָלן זיין פאַר

ליכטער אין דעם אויסשפּרייט פֿון הימל, צו לײַכטן אויף
דער ערד. און עס איז אַזוי געשען. [16] און גאָט האָט
געמאַכט די צוויי גרויסע ליכטער: דאָס גרעסערע ליכט
פֿאַר דער געוועלטיקונג פֿון טאָג, און דאָס קלענערע
ליכט פֿאַר דער געוועלטיקונג פֿון דער נאַכט; און די
שטערן. [17] און גאָט האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין דעם
אויסשפּרייט פֿון הימל, צו לײַכטן אויף דער ערד, [18] און
צו געוועלטיקן איבער דעם טאָג און איבער דער נאַכט,
און פֿאַנאַנדערצושיידן צווישן דעם ליכט און צווישן דער
פֿינצטערניש. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט. [19] און
עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פֿרימאָרגן, אַ
פֿירטן טאָג.

[20] האָט גאָט געזאָגט: זאָל דאָס וואַסער ווידמענען אַ
ווידמענונג פֿון לעבעדיקע באַשעפֿענישן, און פֿויגלען זאָלן
פֿליען אויף דער ערד, איבערן פּריין אויסשפּרייט פֿון
הימל. [21] און גאָט האָט באַשאַפֿן די גרויסע ים־חיות, און
אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן וואָס קריכן, וואָס דאָס
וואַסער האָט געווידמעט לויט זייערע מינים, און אַלע
געפֿליגלטע פֿויגלען לויט זייערע מינים. און גאָט האָט
געזען אַז דאָס איז גוט.

[22] און גאָט האָט זיי געבענטשט, אַזוי צו זאָגן:
פּרוכפּערט אײַך און מערט אײַך, און פֿילט אָן די וואַסערן
אין די ימען, און די פֿויגלען זאָלן זיך מערן אויף דער
ערד. [23] און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פֿרי־
מאָרגן, אַ פֿינפֿטן טאָג.

טו וְהָיוּ לִמְאוֹרֹת בִּרְקִיעַ הַשָּׁמַיִם לְהָאִיר עַל־הָאָרֶץ וַיְהִי־
טז כֵן׃ וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת־שְׁנֵי הַמְּאֹרֹת הַגְּדֹלִים אֶת־הַמָּאוֹר
הַגָּדֹל לְמֶמְשֶׁלֶת הַיּוֹם וְאֶת־הַמָּאוֹר הַקָּטֹן לְמֶמְשֶׁלֶת
יז הַלַּיְלָה וְאֵת הַכּוֹכָבִים׃ וַיִּתֵּן אֹתָם אֱלֹהִים בִּרְקִיעַ
יח הַשָּׁמָיִם לְהָאִיר עַל־הָאָרֶץ׃ וְלִמְשֹׁל בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה
וּֽלֲהַבְדִּיל בֵּין הָאוֹר וּבֵין הַחֹשֶׁךְ וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃
יט וַיְהִי־עֶרֶב וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם רְבִיעִי׃ פ
כ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים יִשְׁרְצוּ הַמַּיִם שֶׁרֶץ נֶפֶשׁ חַיָּה וְעוֹף יְעוֹפֵף
כא עַל־הָאָרֶץ עַל־פְּנֵי רְקִיעַ הַשָּׁמָיִם׃ וַיִּבְרָא אֱלֹהִים אֶת־
הַתַּנִּינִם הַגְּדֹלִים וְאֵת כָּל־נֶפֶשׁ הַחַיָּה ׀ הָרֹמֶשֶׂת אֲשֶׁר
שָׁרְצוּ הַמַּיִם לְמִינֵהֶם וְאֵת כָּל־עוֹף כָּנָף לְמִינֵהוּ וַיַּרְא
כב אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃ וַיְבָרֶךְ אֹתָם אֱלֹהִים לֵאמֹר פְּרוּ וּרְבוּ
כג וּמִלְאוּ אֶת־הַמַּיִם בַּיַּמִּים וְהָעוֹף יִרֶב בָּאָרֶץ׃ וַיְהִי־עֶרֶב
וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם חֲמִישִׁי׃ פ
כד וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים תּוֹצֵא הָאָרֶץ נֶפֶשׁ חַיָּה לְמִינָהּ בְּהֵמָה
כה וָרֶמֶשׂ וְחַיְתוֹ־אֶרֶץ לְמִינָהּ וַיְהִי־כֵן׃ וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים אֶת־
חַיַּת הָאָרֶץ לְמִינָהּ וְאֶת־הַבְּהֵמָה לְמִינָהּ וְאֵת כָּל־רֶמֶשׂ
כו הָאֲדָמָה לְמִינֵהוּ וַיַּרְא אֱלֹהִים כִּי־טוֹב׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים
נַעֲשֶׂה אָדָם בְּצַלְמֵנוּ כִּדְמוּתֵנוּ וְיִרְדּוּ בִדְגַת הַיָּם וּבְעוֹף
הַשָּׁמַיִם וּבַבְּהֵמָה וּבְכָל־הָאָרֶץ וּבְכָל־הָרֶמֶשׂ הָרֹמֵשׂ עַל־
כז הָאָרֶץ׃ וַיִּבְרָא אֱלֹהִים ׀ אֶת־הָאָדָם בְּצַלְמוֹ בְּצֶלֶם אֱלֹהִים
כח בָּרָא אֹתוֹ זָכָר וּנְקֵבָה בָּרָא אֹתָם׃ וַיְבָרֶךְ אֹתָם אֱלֹהִים
וַיֹּאמֶר לָהֶם אֱלֹהִים פְּרוּ וּרְבוּ וּמִלְאוּ אֶת־הָאָרֶץ וְכִבְשֻׁהָ
וּרְדוּ בִּדְגַת הַיָּם וּבְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּבְכָל־חַיָּה הָרֹמֶשֶׂת עַל־
כט הָאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים הִנֵּה נָתַתִּי לָכֶם אֶת־כָּל־עֵשֶׂב ׀
זֹרֵעַ זֶרַע אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ וְאֶת־כָּל־הָעֵץ אֲשֶׁר־
ל בּוֹ פְרִי־עֵץ זֹרֵעַ זָרַע לָכֶם יִהְיֶה לְאָכְלָה׃ וּלְכָל־חַיַּת

יח, ג״א ולהבדיל כא, חסר י׳ בתראה

[24] האָט גאָט געזאָגט: זאָל די ערד אַרויסברענגען לעבעדיקע באַשעפֿענישן לויט זייערע מינים, בהמות און שרצים און חיות פֿון דער ערד לויט זייערע מינים. און עס איז אַזוי געשען. [25] און גאָט האָט געמאַכט די חיות פֿון דער ערד לויט זייערע מינים, און די בהמות לויט זייערע מינים, און אַלע שרצים פֿון דער ערד לויט זייערע מינים. און גאָט האָט געזען אַז דאָס איז גוט.

[26] האָט גאָט געזאָגט: לאָמיר מאַכן מענטשן אין אונדזער געשטאַלט, לויט אונדזער גלײַכעניש, און זיי זאָלן געוועלטיקן איבער די פֿיש פֿון ים, און איבער די פֿויגלען פֿון הימל, און איבער די בהמות, און איבער דער גאַנצער ערד, און איבער אַלע שרצים וואָס קריכן אויף דער ערד. [27] און גאָט האָט באַשאַפֿן דעם מענטשן אין זײַן געשטאַלט; אין דער געשטאַלט פֿון גאָט האָט ער אים באַשאַפֿן; אַ זכר און אַ נקבה האָט ער זיי באַשאַפֿן.

[28] און גאָט האָט זיי געבענטשט, און גאָט האָט צו זיי געזאָגט: פּרוכפּערט אײַך און מערט אײַך, און פֿילט אָן די ערד, און באַצווינגט זי, און געוועלטיקט איבער די פֿיש פֿון ים, און איבער די פֿויגלען פֿון הימל, און איבער אַלעם לעבעדיקן וואָס קריכט אויף דער ערד.

[29] און גאָט האָט געזאָגט: זעט, איך האָב אײַך געגעבן יעטוועדער קרײַטעכץ וואָס גיט אַרויס זאָמען, וואָס אויפֿן גאַנצער ערד, און יעטוועדער בוים וואָס אויף אים איז דאָ בוימערפּרוכט וואָס גיט אַרויס זאָמען; פֿאַר אײַך זאָל דאָס זײַן צום עסן. [30] און פֿאַר אַלע חיות פֿון דער ערד, און פֿאַר אַלע פֿויגלען פֿון הימל, און פֿאַר

הָאָרֶץ וּלְכׇל־עוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְכֹל ׀ רוֹמֵשׂ עַל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־
לא בּוֹ נֶפֶשׁ חַיָּה אֶת־כׇּל־יֶרֶק עֵשֶׂב לְאׇכְלָה וַיְהִי־כֵן׃ וַיַּרְא
אֱלֹהִים אֶת־כׇּל־אֲשֶׁר עָשָׂה וְהִנֵּה־טוֹב מְאֹד וַיְהִי־עֶרֶב
וַיְהִי־בֹקֶר יוֹם הַשִּׁשִּׁי׃ פ

ב

א ב וַיְכֻלּוּ הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ וְכׇל־צְבָאָם׃ וַיְכַל אֱלֹהִים בַּיּוֹם
הַשְּׁבִיעִי מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה וַיִּשְׁבֹּת בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי
ג מִכׇּל־מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה׃ וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת־יוֹם
הַשְּׁבִיעִי וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ כִּי בוֹ שָׁבַת מִכׇּל־מְלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר־
בָּרָא אֱלֹהִים לַעֲשׂוֹת׃ פ
שני אֵלֶּה תוֹלְדוֹת הַשָּׁמַיִם וְהָאָרֶץ בְּהִבָּרְאָם בְּיוֹם עֲשׂוֹת יְהוָה
ה אֱלֹהִים אֶרֶץ וְשָׁמָיִם׃ וְכֹל ׀ שִׂיחַ הַשָּׂדֶה טֶרֶם יִהְיֶה
בָאָרֶץ וְכׇל־עֵשֶׂב הַשָּׂדֶה טֶרֶם יִצְמָח כִּי לֹא הִמְטִיר יְהוָה
ו אֱלֹהִים עַל־הָאָרֶץ וְאָדָם אַיִן לַעֲבֹד אֶת־הָאֲדָמָה׃ וְאֵד
ז יַעֲלֶה מִן־הָאָרֶץ וְהִשְׁקָה אֶת־כׇּל־פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וַיִּיצֶר
יְהוָה אֱלֹהִים אֶת־הָאָדָם עָפָר מִן־הָאֲדָמָה וַיִּפַּח בְּאַפָּיו
ח נִשְׁמַת חַיִּים וַיְהִי הָאָדָם לְנֶפֶשׁ חַיָּה׃ וַיִּטַּע יְהוָה אֱלֹהִים
ט גַּן־בְּעֵדֶן מִקֶּדֶם וַיָּשֶׂם שָׁם אֶת־הָאָדָם אֲשֶׁר יָצָר׃ וַיַּצְמַח
יְהוָה אֱלֹהִים מִן־הָאֲדָמָה כׇּל־עֵץ נֶחְמָד לְמַרְאֶה וְטוֹב
לְמַאֲכָל וְעֵץ הַחַיִּים בְּתוֹךְ הַגָּן וְעֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע׃
י וְנָהָר יֹצֵא מֵעֵדֶן לְהַשְׁקוֹת אֶת־הַגָּן וּמִשָּׁם יִפָּרֵד וְהָיָה
יא לְאַרְבָּעָה רָאשִׁים׃ שֵׁם הָאֶחָד פִּישׁוֹן הוּא הַסֹּבֵב אֵת
יב כׇּל־אֶרֶץ הַחֲוִילָה אֲשֶׁר־שָׁם הַזָּהָב׃ וּזֲהַב הָאָרֶץ הַהִוא
יג טוֹב שָׁם הַבְּדֹלַח וְאֶבֶן הַשֹּׁהַם׃ וְשֵׁם־הַנָּהָר הַשֵּׁנִי גִּיחוֹן
יד הוּא הַסּוֹבֵב אֵת כׇּל־אֶרֶץ כּוּשׁ׃ וְשֵׁם הַנָּהָר הַשְּׁלִישִׁי
חִדֶּקֶל הוּא הַהֹלֵךְ קִדְמַת אַשּׁוּר וְהַנָּהָר הָרְבִיעִי הוּא
טו פְרָת׃ וַיִּקַּח יְהוָה אֱלֹהִים אֶת־הָאָדָם וַיַּנִּחֵהוּ בְגַן־עֵדֶן

ב,ד' ה' זעירא

אַלץ וואָס קריכט אויף דער ערד, וואָס אין אים איז דאָ אַ לעבעדיקער אָטעם, איז יעטוועדער גרין קרייטעכץ צום עסן. און עס איז אַזוי געווען.

31 און גאָט האָט געזען אַלץ וואָס ער האָט געמאַכט, ערשט עס איז זייער גוט. און עס איז געווען אָוונט, און עס איז געווען פרימאָרגן, דעם זעקסטן טאָג.

ב 1 אַזוי זיינען פאַרענדיקט געוואָרן דער הימל און די ערד און זייער גאַנצער חיל. 2 און גאָט האָט גע־ענדיקט צום זיבעטן טאָג זיין אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט, און ער האָט גערוט אויפן זיבעטן טאָג פון זיין גאַנצער אַרבעט וואָס ער האָט געמאַכט. 3 און גאָט האָט געבענטשט דעם זיבעטן טאָג, און האָט אים געהייליקט, וואָרום אין אים האָט ער גערוט פון זיין גאַנצער אַרבעט וואָס גאָט האָט באַשאַפנדיק געמאַכט.

4 דאָס איז די געשיכטע פון דעם הימל און דער ערד ווען זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן, אין דעם טאָג וואָס גאָט דער האַר האָט געמאַכט ערד און הימל.

5 און קייןביימל פון פעלד איז נאָך ניט געווען אויף דער ערד, און קיין קרייטעכץ פון פעלד האָט נאָך ניט געשפּראָצט, וואָרום גאָט דער האַר האָט ניט געמאַכט רעגענען אויף דער ערד, און אַ מענטש איז ניט געווען צו באַאַרבעטן די ערד; 6 נאָר אַ נעבל פלעגט אויפגיין פון דער ערד, און פלעגט אָנטרינקען דאָס גאַנצע געזיכט פון דער ערד. 7 האָט גאָט דער האַר געפורעמט דעם מענטשן פון שטויב פון דער ערד, און האָט אַריינגע־בלאָזן אין זיינע נאָזלעכער אַן אָטעם פון לעבן, און דער מענטש איז געוואָרן אַ לעבעדיקער נפש. 8 און גאָט דער האַר האָט געפלאַנצט אַ גאָרטן אין עֵדֶן, אין מזרח, און האָט דאָרטן אַריינגעזעצט דעם מענטשן וואָס ער האָט גע־פורעמט. 9 און גאָט דער האַר האָט געמאַכט שפּראָצן פון דער ערד אַלערלייביימער גלוסטיק אָנצוקוקן און גוט צום עסן; אויך דעם בוים פון לעבן, אין מיטן גאָרטן, און דעם בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס.

10 און אַ טייך איז אַרויסגעגאַנגען פון עֵדֶן אָנצוטרינקען דעם גאָרטן, און פון דאָרטן האָט ער זיך צעשיידט, און איז געוואָרן פיר טיילן. 11 דער נאָמען פון איינעם איז פּישון; דאָס איז דער וואָס רינגלט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד חֲוִילָה, וואָס דאָרטן איז דאָ גאָלד; 12 און דאָס גאָלד פון יענעם לאַנד איז גוט. דאָרטן איז דער בדולַח[א] און דער אָניקלשטיין. 13 און דער נאָמען פון צווייטן טייך איז גיחון; דאָס איז דער וואָס רינגלט אַרום דאָס גאַנצע לאַנד כּוש. 14 און דער נאָמען פון דריטן טייך איז חִדֶקֶל; דאָס איז דער וואָס גייט צו מזרח פון אַשור. און דער פירטער טייך, דאָס איז פְּרָת.

15 און גאָט דער האַר האָט גענומען דעם מענטשן, און האָט אים אַריינגעזעצט אין גאָרטן פון עֵדֶן, אים צו

[א] אַ מין שמעקעדיקע בוימפעך. לויט אַנדערע: אַ מין טייער שטיין, אָדער פּערל.

טז לְעָבְדָהּ וּלְשָׁמְרָהּ׃ וַיְצַו יְהוָה אֱלֹהִים עַל־הָאָדָם לֵאמֹר
יז מִכֹּל עֵץ הַגָּן אָכֹל תֹּאכֵל׃ וּמֵעֵץ הַדַּעַת טוֹב וָרָע לֹא
יח תֹאכַל מִמֶּנּוּ כִּי בְּיוֹם אֲכָלְךָ מִמֶּנּוּ מוֹת תָּמוּת׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֱלֹהִים לֹא־טוֹב הֱיוֹת הָאָדָם לְבַדּוֹ אֶעֱשֶׂה־לּוֹ עֵזֶר
יט כְּנֶגְדּוֹ׃ וַיִּצֶר יְהוָה אֱלֹהִים מִן־הָאֲדָמָה כָּל־חַיַּת הַשָּׂדֶה
וְאֵת כָּל־עוֹף הַשָּׁמַיִם וַיָּבֵא אֶל־הָאָדָם לִרְאוֹת מַה־יִּקְרָא־
לוֹ וְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָא־לוֹ הָאָדָם נֶפֶשׁ חַיָּה הוּא שְׁמוֹ׃
של׳ וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁמוֹת לְכָל־הַבְּהֵמָה וּלְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְכֹל
כא חַיַּת הַשָּׂדֶה וּלְאָדָם לֹא־מָצָא עֵזֶר כְּנֶגְדּוֹ׃ וַיַּפֵּל יְהוָה
אֱלֹהִים | תַּרְדֵּמָה עַל־הָאָדָם וַיִּישָׁן וַיִּקַּח אַחַת מִצַּלְעֹתָיו
כב וַיִּסְגֹּר בָּשָׂר תַּחְתֶּנָּה׃ וַיִּבֶן יְהוָה אֱלֹהִים | אֶת־הַצֵּלָע אֲשֶׁר־
כג לָקַח מִן־הָאָדָם לְאִשָּׁה וַיְבִאֶהָ אֶל־הָאָדָם׃ וַיֹּאמֶר הָאָדָם
זֹאת הַפַּעַם עֶצֶם מֵעֲצָמַי וּבָשָׂר מִבְּשָׂרִי לְזֹאת יִקָּרֵא אִשָּׁה
כד כִּי מֵאִישׁ לֻקֳחָה־זֹּאת׃ עַל־כֵּן יַעֲזָב־אִישׁ אֶת־אָבִיו וְאֶת־
כה אִמּוֹ וְדָבַק בְּאִשְׁתּוֹ וְהָיוּ לְבָשָׂר אֶחָד׃ וַיִּהְיוּ שְׁנֵיהֶם
עֲרוּמִּים הָאָדָם וְאִשְׁתּוֹ וְלֹא יִתְבֹּשָׁשׁוּ׃

ג

א וְהַנָּחָשׁ הָיָה עָרוּם מִכֹּל חַיַּת הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה
אֱלֹהִים וַיֹּאמֶר אֶל־הָאִשָּׁה אַף כִּי־אָמַר אֱלֹהִים לֹא תֹאכְלוּ
ב מִכֹּל עֵץ הַגָּן׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶל־הַנָּחָשׁ מִפְּרִי עֵץ־הַגָּן
ג נֹאכֵל׃ וּמִפְּרִי הָעֵץ אֲשֶׁר בְּתוֹךְ־הַגָּן אָמַר אֱלֹהִים לֹא
ד תֹאכְלוּ מִמֶּנּוּ וְלֹא תִגְּעוּ בּוֹ פֶּן תְּמֻתוּן׃ וַיֹּאמֶר הַנָּחָשׁ
ה אֶל־הָאִשָּׁה לֹא־מוֹת תְּמֻתוּן׃ כִּי יֹדֵעַ אֱלֹהִים כִּי בְּיוֹם
אֲכָלְכֶם מִמֶּנּוּ וְנִפְקְחוּ עֵינֵיכֶם וִהְיִיתֶם כֵּאלֹהִים יֹדְעֵי טוֹב
ו וָרָע׃ וַתֵּרֶא הָאִשָּׁה כִּי טוֹב הָעֵץ לְמַאֲכָל וְכִי תַאֲוָה־הוּא
לָעֵינַיִם וְנֶחְמָד הָעֵץ לְהַשְׂכִּיל וַתִּקַּח מִפִּרְיוֹ וַתֹּאכַל וַתִּתֵּן
ז גַּם־לְאִישָׁהּ עִמָּהּ וַיֹּאכַל׃ וַתִּפָּקַחְנָה עֵינֵי שְׁנֵיהֶם וַיֵּדְעוּ כִּי

ב,כב׳ קמץ ומלרע   כה׳ דגש אחר שורק   ג,ו׳ פתח באסף

באַאַרבעטן און אים צו היטן. 16 און גאָט דער האַר האָט אָנגעזאָגט דעם מענטשן, אַזוי צו זאָגן: פון אַלע ביימער פון גאָרטן מעגסטו עסן; 17 אָבער פון דעם בוים פון וויסן גוטס און שלעכטס, פון אים זאָלסטו ניט עסן, וואָרום אין דעם טאָג וואָס דו עסט פון אים, וועסטו זיכער שטאַרבן.

18 און גאָט דער האַר האָט געזאָגט: עס איז ניט גוט דער מענטש זאָל זיין אַליין; איך וועל אים מאַכן אַ געהילף ווערליק פאַר אים. 19 און גאָט דער האַר האָט געפורעמט פון דער ערד אַלערליי חיות פון פעלד און אַלערליי פויגלען פון הימל, און געבראַכט צו דעם מענטשן, צו זען וואָס ער וועט זיי רופן, און וואָס נאָר דער מענטש וועט רופן איטלעך לעבעדיקע באַשעפעניש, דאָס זאָל זיין איר נאָמען. 20 האָט דער מענטש אָנגערופן נעמען פאַר אַלע בהמות, און פאַר די פויגלען פון הימל, און פאַר אַלע חיות פון פעלד; אָבער פאַר אָדמען האָט ער ניט געפונען אַ געהילף ווערליק פאַר אים. 21 האָט גאָט דער האַר געלאָזט פאַלן אַ טיפן שלאָף אויף דעם מענטשן, און ער איז אַיינגעשלאָפן; און ער האָט אַרויסגענומען איינע פון זיינע ריפן, און האָט פאַרשטאָפּט איר אָרט מיט פלייש. 22 און גאָט דער האַר האָט געבויט פון דער ריפּ, וואָס ער האָט אַרויסגענומען פון דעם מענטשן, אַ פרוי, און האָט זי געבראַכט צו דעם מענטשן. 23 האָט דער מענטש געזאָגט: דאָס מאָל איז דאָס אַ ביין פון מיינע ביינער, און פלייש פון מיין פלייש; דידאָזיקע זאָל גערופן ווערן פרוי, ווייל פון אַ מאַן[א] איז גענומען געוואָרן דידאָזיקע. 24 דרום פאַרלאָזט אַ מאַן זיין פאָטער און זיין מוטער, און באַהעפט זיך אָן זיין ווייב, און זיי ווערן איין לייב.

25 און זיי זיינען ביידע געווען נאַקעט, דער מענטש און זיין ווייב, און זיי פלעגן זיך ניט שעמען.

ג 1 און די שלאַנג איז געווען ליסטיקער פון אַלע חיות פון פעלד וואָס גאָט דער האַר האָט געמאַכט, און זי האָט געזאָגט צו דער פרוי: ניט־שוין האָט גאָט געזאָגט, איר זאָלט ניט עסן פון קיין בוים פון גאָרטן? 2 האָט די פרוי געזאָגט צו דער שלאַנג: פון דער פרוכט פון די ביימער פון גאָרטן מעגן מיר עסן, 3 נאָר פון דער פרוכט פון דעם בוים וואָס אין מיטן גאָרטן האָט גאָט געזאָגט: איר זאָלט דערפון ניט עסן, און איר זאָלט זיך דעראָן ניט אָנרירן, אַויסט וועט איר שטאַרבן. 4 האָט די שלאַנג געזאָגט צו דער פרוי: שטאַרבן וועט איר ניט שטאַרבן, 5 נאָר גאָט וויס אַז אין דעם טאָג וואָס איר עסט דערפון, וועלן זיך עפענען אייערע אויגן, און איר וועט זיין אַזוי ווי גאָט צו וויסן גוטס און שלעכטס. 6 האָט די פרוי געזען אַז דער בוים איז גוט צום עסן, און אַז ער איז אַ גאַרונג פאַר די אויגן, און דער בוים איז גלוסטיק אָנצוקוקן, און זי האָט גענומען פון זיין פרוכט, און האָט געגעסן; און זי האָט אויך געגעבן איר מאַן מיט איר, און ער האָט געגעסן. 7 און ווייערע ביידנס אויגן האָבן זיך געעפנט, און זיי האָבן געוווסט אַז

[א] אִשָּׁה–אִישׁ.

עֵירֻמִּם הֵם וַיִּתְפְּרוּ עֲלֵה תְאֵנָה וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם חֲגֹרֹת׃
וַיִּשְׁמְעוּ אֶת־קוֹל יְהוָה אֱלֹהִים מִתְהַלֵּךְ בַּגָּן לְרוּחַ הַיּוֹם ח
וַיִּתְחַבֵּא הָאָדָם וְאִשְׁתּוֹ מִפְּנֵי יְהוָה אֱלֹהִים בְּתוֹךְ עֵץ הַגָּן׃
וַיִּקְרָא יְהוָה אֱלֹהִים אֶל־הָאָדָם וַיֹּאמֶר לוֹ אַיֶּכָּה׃ וַיֹּאמֶר ט
אֶת־קֹלְךָ שָׁמַעְתִּי בַּגָּן וָאִירָא כִּי־עֵירֹם אָנֹכִי וָאֵחָבֵא׃
וַיֹּאמֶר מִי הִגִּיד לְךָ כִּי עֵירֹם אָתָּה הֲמִן־הָעֵץ אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ יא
לְבִלְתִּי אֲכָל־מִמֶּנּוּ אָכָלְתָּ׃ וַיֹּאמֶר הָאָדָם הָאִשָּׁה אֲשֶׁר יב
נָתַתָּה עִמָּדִי הִוא נָתְנָה־לִּי מִן־הָעֵץ וָאֹכֵל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה יג
אֱלֹהִים לָאִשָּׁה מַה־זֹּאת עָשִׂית וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הַנָּחָשׁ
הִשִּׁיאַנִי וָאֹכֵל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֱלֹהִים ׀ אֶל־הַנָּחָשׁ כִּי עָשִׂיתָ יד
זֹּאת אָרוּר אַתָּה מִכָּל־הַבְּהֵמָה וּמִכֹּל חַיַּת הַשָּׂדֶה עַל־
גְּחֹנְךָ תֵלֵךְ וְעָפָר תֹּאכַל כָּל־יְמֵי חַיֶּיךָ׃ וְאֵיבָה ׀ אָשִׁית טו
בֵּינְךָ וּבֵין הָאִשָּׁה וּבֵין זַרְעֲךָ וּבֵין זַרְעָהּ הוּא יְשׁוּפְךָ רֹאשׁ
וְאַתָּה תְּשׁוּפֶנּוּ עָקֵב׃ ס אֶל־הָאִשָּׁה אָמַר הַרְבָּה אַרְבֶּה טז
עִצְּבוֹנֵךְ וְהֵרֹנֵךְ בְּעֶצֶב תֵּלְדִי בָנִים וְאֶל־אִישֵׁךְ תְּשׁוּקָתֵךְ
וְהוּא יִמְשָׁל־בָּךְ׃ ס וּלְאָדָם אָמַר כִּי שָׁמַעְתָּ לְקוֹל יז
אִשְׁתֶּךָ וַתֹּאכַל מִן־הָעֵץ אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ לֵאמֹר לֹא תֹאכַל
מִמֶּנּוּ אֲרוּרָה הָאֲדָמָה בַּעֲבוּרֶךָ בְּעִצָּבוֹן תֹּאכְלֶנָּה כֹּל יְמֵי
חַיֶּיךָ׃ וְקוֹץ וְדַרְדַּר תַּצְמִיחַ לָךְ וְאָכַלְתָּ אֶת־עֵשֶׂב הַשָּׂדֶה׃ יח
בְּזֵעַת אַפֶּיךָ תֹּאכַל לֶחֶם עַד שׁוּבְךָ אֶל־הָאֲדָמָה יט
כִּי מִמֶּנָּה לֻקָּחְתָּ כִּי־עָפָר אַתָּה וְאֶל־עָפָר תָּשׁוּב׃
וַיִּקְרָא הָאָדָם שֵׁם אִשְׁתּוֹ חַוָּה כִּי הִוא הָיְתָה אֵם כָּל־ כ
חָי׃ וַיַּעַשׂ יְהוָה אֱלֹהִים לְאָדָם וּלְאִשְׁתּוֹ כָּתְנוֹת עוֹר כא
וַיַּלְבִּשֵׁם׃
פ
וַיֹּאמֶר ׀ יְהוָה אֱלֹהִים הֵן הָאָדָם הָיָה כְּאַחַד מִמֶּנּוּ לָדַעַת רב'
טוֹב וָרָע וְעַתָּה ׀ פֶּן־יִשְׁלַח יָדוֹ וְלָקַח גַּם מֵעֵץ הַחַיִּים
וְאָכַל וָחַי לְעֹלָם׃ וַיְשַׁלְּחֵהוּ יְהוָה אֱלֹהִים מִגַּן־עֵדֶן לַעֲבֹד כג
אֶת־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר לֻקַּח מִשָּׁם׃ וַיְגָרֶשׁ אֶת־הָאָדָם וַיַּשְׁכֵּן כד

זיי זיינען נאַקעט; האָבן זיי צונויפגענייט פייגנבלעטער, און זיך געמאַכט גאַרטלען.

8 און זיי האָבן געהערט דעם קָול פון גאָט דעם האַר, ווי ער גייט אַרום אין גאָרטן אין דער קילקייט פון טאָג; און דער מענטש און זיין ווייב האָבן זיך באַהאַלטן פאַר גאָט דעם האַר צווישן די ביימער פון גאָרטן. 9 האָט גאָט דער האַר גערופן צו דעם מענטשן, און האָט צו אים געזאָגט: ווו ביסטו? 10 האָט ער געענטפערט: איך האָב געהערט דיין קָול אין גאָרטן, און איך האָב מורא געהאַט, ווייל איך בין נאַקעט, האָב איך מיך באַהאַלטן. 11 האָט ער געזאָגט: ווער האָט דיר געזאָגט אַז דו ביסט נאַקעט? האָסטו געגעסן פון דעם בוים וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט ניט צו עסן פון אים? 12 האָט דער מענטש געזאָגט: די ווייב וואָס דו האָסט מיר געגעבן, זי האָט מיר געגעבן פון דעם בוים, און איך האָב געגעסן.

13 האָט גאָט דער האַר געזאָגט צו דער פרוי: וואָס האָסטו דאָ געטאָן? האָט די פרוי געזאָגט: די שלאַנג האָט מיך אָנגערעדט, און איך האָב געגעסן.

14 האָט גאָט דער האַר געזאָגט צו דער שלאַנג: ווייל דו האָסט דאָס געטאָן, זאָלסטו זיין פאַרשאָלטן פון צווישן אַלע בהמות, און פון צווישן אַלע חיות פון פעלד; אויף דיין בויך זאָלסטו גיין, און שטויב זאָלסטו עסן אַלע טעג פון דיין לעבן. 15 און אַ פיינטשאַפט וועל איך מאַכן צווישן דיר און צווישן דער פרוי, און צווישן דיין זאָמען און צווישן איר זאָמען; ער וועט דיך טרעפן אין קאָפּ, און דו וועסט אים טרעפן אין טריט.

16 צו דער פרוי האָט ער געזאָגט: מערן וועל איך מערן דיין מאַטערניש און דיין טראָגווייעניש; מיט יסורים וועסטו געבערן קינדער, און צו דיין מאַן וועט זיין דיין גלוסטונג, און ער וועט געוועלטיקן איבער דיר.

17 און צו אָדָמען האָט ער געזאָגט: ווייל דו האָסט צוגעהערט צו דעם קָול פון דיין ווייב, און געגעסן פון דעם בוים וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט פון אים ניט עסן; זאָל די ערד זיין פאַרשאָלטן פון דיינעטוועגן; מיט מאַטערניש זאָלסטו זיך נערן פון איר אַלע טעג פון דיין לעבן. 18 און דערנער און שטעכיק געוועקס זאָל זי דיר מאַכן שפּראָצן, און זאָלסט עסן קרייטעכץ פון פעלד. 19 מיט דעם שוויס פון דיין פּנים זאָלסטו עסן ברויט, ביז דו קערסט זיך אום צו דער ערד; ווייל פון איר ביסטו גענומען געוואָרן; וואָרום שטויב ביסטו, און צו שטויב זאָלסטו זיך אומקערן.

20 און דער מענטש האָט גערופן דעם נאָמען פון זיין ווייב חַוָהא, ווייל זי איז געווען די מוטער פון אַלעם לעבעדיקן.

21 און גאָט דער האַר האָט געמאַכט פאַר אָדָמען און פאַר זיין ווייב העמדלעך פון פעל, און האָט זיי באַקליידט.

22 און גאָט דער האַר האָט געזאָגט: זע, דער מענטש איז געוואָרן ווי איינער פון אונדז צו וויסן גוטס און שלעכטס, און אַצונד קען ער נאָך אויסשטרעקן זיין האַנט, און נעמען אויך פון דעם בוים פון לעבן, און ער וועט עסן, און וועט לעבן אייביק. 23 האָט גאָט דער האַר אים אַרויסגעשיקט פון דעם גאָרטן פון עֵדֶן, צו באַאַרבעטן די ערד, וואָס ער איז פון דאָרטן גענומען געוואָרן. 24 און ער האָט אַרויסגעטריבן דעם מענטשן; און ער האָט אַריינגעזעצט אין מזרח

א לעבן.

פון דעם גאָרטן פון עֵדֶן די כּרובים, און די פלאַמיקע שווערד וואָס דרייט זיך, צו היטן דעם וועג צום בוים פון לעבן.

ד 1 און דער מענטש האָט דערקענט זיין ווייב חַוָהן, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן קַיִנען, און זי האָט געזאָגט: איך האָב געקריגן[א] אַ מאַן דורך גאָט. 2 און זי האָט ווידער געבאָרן—זיין ברודער הֶבלען.

און הֶבל איז געווען אַ פּאַסטוך פון שאָף, און קַיִן איז געווען אַן ערדאַרבעטער. 3 און עס איז געווען נאָך אַ פאַרלויף פון טעג, האָט קַיִן געבראַכט פון דער פרוכט פון דער ערד אַ קרבן צו גאָט. 4 און הֶבל, ער אויך האָט געבראַכט פון די ערשטלינגען פון זיינע שאָף און פון זייערע פעטסטע. און גאָט האָט זיך געקערט צו הֶבלען און צו זיין קרבן, 5 און צו קַיִנען און צו זיין קרבן האָט ער זיך ניט געקערט. האָט קַיִנען זייער געערגערט, און זיין פּנים איז אַראָפּגעפאַלן. 6 האָט גאָט געזאָגט צו קַיִנען: פאַרוואָס פאַרדריסט דיך, און פאַרוואָס איז אַראָפּגעפאַלן דיין פּנים? 7 פאַרוואָר, אויב דו וועסט גוטס טאָן וועסטו אויפ־גענומען ווערן, און אויב דו וועסט ניט גוטס טאָן, הויערט די זינד ביי דער טיר; און צו דיר איז איר גלוסטונג, אָבער דו קענסט געוועלטיקן איבער איר.

8 האָט קַיִן גערעדט צו זיין ברודער הֶבלען. און עס איז געווען, ווי זיי זיינען געווען אין פעלד, אַזוי איז קַיִן אויפגעשטאַנען קעגן זיין ברודער הֶבלען, און האָט אים געהרגעט.

9 האָט גאָט געזאָגט צו קַיִנען: ווו איז דיין ברודער הֶבל? האָט ער געזאָגט: איך ווייס ניט; בין איך דען דער שומר פון מיין ברודער? 10 האָט ער געזאָגט: וואָס האָסטו געטאָן? דער קָול פון דיין ברודערס בלוט שרייט צו מיר פון דער ערד. 11 און אַצונד, פאַרשאָלטן זאָלסטו זיין פון דער ערד וואָס האָט אויפגעמאַכט איר מויל צוצונעמען דיין ברודערס בלוט פון דיין האַנט. 12 אַז דו וועסט באַאַרבעטן די ערד, זאָל זי דיר מער ניט געבן איר קראַפט; נָע־וָנָד זאָלסטו זיין אויף דער ערד. 13 האָט קַיִן געזאָגט צו גאָט: מיין שטראָף איז צו גרויס אַריבערצוטראָגן. 14 אָט האָסטו מיך היינט פאַרטריבן פון דעם געזיכט פון לאַנד, און פון דיין פּנים וועל איך זיין פאַרבאָרגן, און איך וועל זיין נָע־וָנָד אויף דער ערד; וועט זיין, וועד־נאָר עס טרעפט מיך וועט מיך דערהרגען. 15 האָט גאָט צו אים געזאָגט: דרום ווער־נאָר עס הרגעט קַיִנען זאָל זיבנפאַך גענומען ווערן נקמה פון אים. און גאָט האָט געמאַכט קַיִנען אַ צייכן, אַז קיינער וואָס טרעפט אים, זאָל אים ניט דערשלאָגן.

16 און קַיִן איז אַוועקגעגאַנגען פון פאַר גאָט, און האָט זיך באַזעצט אין לאַנד נוֹד[ב], אין מזרח פון עֵדֶן. 17 און קַיִן האָט דערקענט זיין ווייב, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן חֲנוֹכן. און ער האָט געבויט אַ שטאָט, און האָט גערופן דעם נאָמען פון דער שטאָט אַזוי ווי דער נאָמען פון זיין זון, חֲנוֹך. 18 און ביי חֲנוֹכן איז געבאָרן געוואָרן עִירָד, און עִירָד האָט געבאָרן מחוּיָאֵלן, און מחוּיָאֵל[ג] האָט געבאָרן מתושָׁאֵלן, און מתושָׁאֵל האָט געבאָרן לֶמֶכן. 19 און לֶמֶך האָט

[א] קָנִיתִי. [ב] וואָגלעניש. [ג] אין טעקסט: מחִיָיאֵל.

מִקֶּדֶם לְגַן־עֵדֶן אֶת־הַכְּרֻבִים וְאֵת לַהַט הַחֶרֶב הַמִּתְהַפֶּכֶת
לִשְׁמֹר אֶת־דֶּרֶךְ עֵץ הַחַיִּים׃ ס

ד

א וְהָאָדָם יָדַע אֶת־חַוָּה אִשְׁתּוֹ וַתַּהַר וַתֵּלֶד אֶת־קַיִן וַתֹּאמֶר
ב קָנִיתִי אִישׁ אֶת־יְהוָה׃ וַתֹּסֶף לָלֶדֶת אֶת־אָחִיו אֶת־הָבֶל
ג וַיְהִי־הֶבֶל רֹעֵה צֹאן וְקַיִן הָיָה עֹבֵד אֲדָמָה׃ וַיְהִי מִקֵּץ
ד יָמִים וַיָּבֵא קַיִן מִפְּרִי הָאֲדָמָה מִנְחָה לַיהוָה׃ וְהֶבֶל הֵבִיא
גַם־הוּא מִבְּכֹרוֹת צֹאנוֹ וּמֵחֶלְבֵהֶן וַיִּשַׁע יְהוָה אֶל־הֶבֶל
ה וְאֶל־מִנְחָתוֹ׃ וְאֶל־קַיִן וְאֶל־מִנְחָתוֹ לֹא שָׁעָה וַיִּחַר לְקַיִן
ו מְאֹד וַיִּפְּלוּ פָּנָיו׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־קָיִן לָמָּה חָרָה לָךְ
ז וְלָמָּה נָפְלוּ פָנֶיךָ׃ הֲלוֹא אִם־תֵּיטִיב שְׂאֵת וְאִם לֹא
תֵיטִיב לַפֶּתַח חַטָּאת רֹבֵץ וְאֵלֶיךָ תְּשׁוּקָתוֹ וְאַתָּה תִּמְשָׁל־
ח בּוֹ׃ וַיֹּאמֶר קַיִן אֶל־הֶבֶל אָחִיו *וַיְהִי בִּהְיוֹתָם בַּשָּׂדֶה וַיָּקָם
ט קַיִן אֶל־הֶבֶל אָחִיו וַיַּהַרְגֵהוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־קַיִן אֵי
י הֶבֶל אָחִיךָ וַיֹּאמֶר לֹא יָדַעְתִּי הֲשֹׁמֵר אָחִי אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר
יא מֶה עָשִׂיתָ קוֹל דְּמֵי אָחִיךָ צֹעֲקִים אֵלַי מִן־הָאֲדָמָה׃ וְעַתָּה
אָרוּר אָתָּה מִן־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר פָּצְתָה אֶת־פִּיהָ לָקַחַת אֶת־
יב דְּמֵי אָחִיךָ מִיָּדֶךָ׃ כִּי תַעֲבֹד אֶת־הָאֲדָמָה לֹא־תֹסֵף תֵּת־כֹּחָהּ
יג לָךְ נָע וָנָד תִּהְיֶה בָאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר קַיִן אֶל־יְהוָה גָּדוֹל עֲוֹנִי
יד מִנְּשֹׂא׃ הֵן גֵּרַשְׁתָּ אֹתִי הַיּוֹם מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה וּמִפָּנֶיךָ אֶסָּתֵר
טו וְהָיִיתִי נָע וָנָד בָּאָרֶץ וְהָיָה כָל־מֹצְאִי יַהַרְגֵנִי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ יְהוָה
לָכֵן כָּל־הֹרֵג קַיִן שִׁבְעָתַיִם יֻקָּם וַיָּשֶׂם יְהוָה לְקַיִן אוֹת לְבִלְתִּי
טז הַכּוֹת־אֹתוֹ כָּל־מֹצְאוֹ׃ וַיֵּצֵא קַיִן מִלִּפְנֵי יְהוָה וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ־
יז נוֹד קִדְמַת־עֵדֶן׃ וַיֵּדַע קַיִן אֶת־אִשְׁתּוֹ וַתַּהַר וַתֵּלֶד אֶת־
חֲנוֹךְ וַיְהִי בֹּנֶה עִיר וַיִּקְרָא שֵׁם הָעִיר כְּשֵׁם בְּנוֹ חֲנוֹךְ׃
יח וַיִּוָּלֵד לַחֲנוֹךְ אֶת־עִירָד וְעִירָד יָלַד אֶת־מְחוּיָאֵל וּמְחִיָּיאֵל
חס' יָלַד אֶת־מְתוּשָׁאֵל וּמְתוּשָׁאֵל יָלַד אֶת־לָמֶךְ׃ וַיִּקַּח־לוֹ לֶמֶךְ

ד, ג׳ מלרע ד׳ ב׳ רפה ח׳ בלא פסקא

כ שְׁתֵּי נָשִׁים שֵׁם הָאַחַת עָדָה וְשֵׁם הַשֵּׁנִית צִלָּה׃ וַתֵּלֶד עָדָה
כא אֶת־יָבָל הוּא הָיָה אֲבִי יֹשֵׁב אֹהֶל וּמִקְנֶה׃ וְשֵׁם אָחִיו יוּבָל הוּא
כב הָיָה אֲבִי כָּל־תֹּפֵשׂ כִּנּוֹר וְעוּגָב׃ וְצִלָּה גַם־הִוא יָלְדָה אֶת־
תּוּבַל קַיִן לֹטֵשׁ כָּל־חֹרֵשׁ נְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל וַאֲחוֹת תּוּבַל־קַיִן
ששי נַעֲמָה׃ וַיֹּאמֶר לֶמֶךְ לְנָשָׁיו עָדָה וְצִלָּה שְׁמַעַן קוֹלִי נְשֵׁי
לֶמֶךְ הַאְזֵנָּה אִמְרָתִי כִּי אִישׁ הָרַגְתִּי לְפִצְעִי וְיֶלֶד
כד לְחַבֻּרָתִי׃ כִּי שִׁבְעָתַיִם יֻקַּם־קָיִן וְלֶמֶךְ שִׁבְעִים וְשִׁבְעָה׃
כה וַיֵּדַע אָדָם עוֹד אֶת־אִשְׁתּוֹ וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ
שֵׁת כִּי שָׁת־לִי אֱלֹהִים זֶרַע אַחֵר תַּחַת הֶבֶל כִּי הֲרָגוֹ
כו קָיִן׃ וּלְשֵׁת גַּם־הוּא יֻלַּד־בֵּן וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ אֱנוֹשׁ אָז
הוּחַל לִקְרֹא בְּשֵׁם יְהוָה׃ ס

ה

א זֶה סֵפֶר תּוֹלְדֹת אָדָם בְּיוֹם בְּרֹא אֱלֹהִים אָדָם בִּדְמוּת
ב אֱלֹהִים עָשָׂה אֹתוֹ׃ זָכָר וּנְקֵבָה בְּרָאָם וַיְבָרֶךְ אֹתָם
ג וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמָם אָדָם בְּיוֹם הִבָּרְאָם׃ וַיְחִי אָדָם שְׁלֹשִׁים
וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בִּדְמוּתוֹ כְּצַלְמוֹ וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ שֵׁת׃
ד וַיִּהְיוּ יְמֵי אָדָם אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־שֵׁת שְׁמֹנֶה מֵאֹת שָׁנָה
ה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי אָדָם אֲשֶׁר־חַי תְּשַׁע
ו מֵאוֹת שָׁנָה וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי־שֵׁת חָמֵשׁ
ז שָׁנִים וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־אֱנוֹשׁ׃ וַיְחִי־שֵׁת אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ
אֶת־אֱנוֹשׁ שֶׁבַע שָׁנִים וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים
ח וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי־שֵׁת שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שָׁנָה וּתְשַׁע מֵאוֹת
ט שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי אֱנוֹשׁ תִּשְׁעִים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־קֵינָן׃
י וַיְחִי אֱנוֹשׁ אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־קֵינָן חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה
יא וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי
יב אֱנוֹשׁ חָמֵשׁ שָׁנִים וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי קֵינָן
יג שִׁבְעִים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־מַהֲלַלְאֵל׃ וַיְחִי קֵינָן אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ

ד, כג׳ א׳ כוח

זיך גענומען צוויי ווייבער; דער נאָמען פון איינער איז געווען עָדָה, און דער נאָמען פון דער צווייטער צִלָּה. [20] און עָדָה האָט געבאָרן יָבָלן; ער איז געווען דער פאָטער פון די וואָס זיצן אין געצעלטן און האָבן פי. [21] און דער נאָמען פון זיין ברודער איז געווען יובַל; ער איז געווען דער פאָטער פון אַלע וואָס האַלטן אַ האַרף און אַ פלייט. [22] און צִלָה, זי אויך האָט געבאָרן תּובַל־קַיִנען, דעם אויסשלייפער פון אַלערליי קופער־ און אייזנגעצייג; און די שוועסטער פון תּובַל־קַיִנען איז געווען נַעֲמָה.

[23] און לֶמֶך האָט געזאָגט צו זיינע ווייבער:

עָדָה און צִלָה, הערט מיין קָול,
ווייבער פון לֶמֶכן, פאַרנעמט מיין וואָרט;
וואָרום איך הרגע אַ מאַן פאַר מיין ווּנד,
און אַ ייִנגל פאַר מיין בייל;
[24] ווייל זיבנפאַך ווערט געגומען פאַר קַיִנען נקמה,
פאַר לֶמֶכן אָבער זיבן און זיבעציק.

[25] און אָדָם האָט ווידער דערקענט זיין ווייב, און זי האָט געבאָרן אַ זון, און האָט גערופן זיין נאָמען שֵׁת, ווייל: „גאָט האָט מיר באַשערט[א] אַן אַנדער זאָמען אָנשטאָט הֶבלען, אַז קַיִן האָט אים געהרגעט". [26] און ביי שֵׁתן, ביי אים אויך איז געבאָרן געוואָרן אַ זון, און ער האָט גערופן זיין נאָמען אֱנוֹש. דענסמאָל האָט מען אָנגעהויבן רופן צו דעם נאָמען יהוה.

ה [1] דאָס איז דאָס בוך פון די געבורטן פון אָדָמען: ווען גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן, האָט ער אים אין דער גלייכעניש פון גאָט געמאַכט; [2] אַ זָכָר און אַ נקבה האָט ער זיי באַשאַפן, און ער האָט זיי געבענטשט, און האָט גערופן זייער נאָמען מענטש, אין דעם טאָג וואָס זיי זיינען באַשאַפן געוואָרן. [3] און אָדָם האָט געלעבט הונדערט און דרייסיק יאָר, און האָט געבאָרן אַ זון אין זיין גלייכעניש, אַזוי ווי זיין געשטאַלט, און האָט גערופן זיין נאָמען שֵׁת. [4] און די טעג פון אָדָמען נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן שֵׁתן, זיינען געווען אַכט הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [5] און אַלע טעג וואָס אָדָם האָט געלעבט, זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און דרייסיק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

[6] און שֵׁת האָט געלעבט הונדערט יאָר און פינף יאָר, און האָט געבאָרן אֱנוֹשן. [7] און שֵׁת האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן אֱנוֹשן, אַכט הונדערט יאָר און זיבן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [8] און אַלע טעג פון שֵׁתן זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און צוועלף יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

[9] און אֱנוֹש האָט געלעבט ניינציק יאָר, און האָט געבאָרן קֵינָנען. [10] און אֱנוֹש האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן קֵינָנען, אַכט הונדערט יאָר און פופצן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [11] און אַלע טעג פון אֱנוֹשן זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און פינף יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

[12] און קֵינָן האָט געלעבט זיבעציק יאָר, און האָט געבאָרן מַהֲלַלְאֵלן. [13] און קֵינָן האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט

[א] שָׁת.

געבאָרן מַהֲלַלְאֵלן, אַכט הונדערט יאָר און פערציק יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [14] און אַלע טעג פון קֵינָנען זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און צען יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

[15] און מַהֲלַלְאֵל האָט געלעבט פינף און זעכציק יאָר, און האָט געבאָרן יֶרֶדן. [16] און מַהֲלַלְאֵל האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן יֶרֶדן, אַכט הונדערט יאָר און דרייסיק יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [17] און אַלע טעג פון מַהֲלַלְאֵלן זיינען געווען אַכט הונדערט יאָר און פינף און ניינציק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

[18] און יֶרֶד האָט געלעבט הונדערט יאָר און צוויי און זעכציק יאָר, און האָט געבאָרן חֲנוֹכן. [19] און יֶרֶד האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן חֲנוֹכן, אַכט הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [20] און אַלע טעג פון יֶרֶדן זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און צוויי און זעכציק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

[21] און חֲנוֹך האָט געלעבט פינף און זעכציק יאָר, און האָט געבאָרן מְתוּשֶׁלַחן. [22] און חֲנוֹך איז געגאַנגען מיט גאָט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן מְתוּשֶׁלַחן, דריי הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [23] און אַלע טעג פון חֲנוֹכן זיינען געווען דריי הונדערט יאָר און פינף און זעכציק יאָר. [24] און חֲנוֹך איז געגאַנגען מיט גאָט; און ער איז ניט געווען, ווארום גאָט האָט אים צוגענומען.

[25] און מְתוּשֶׁלַח האָט געלעבט הונדערט יאָר און זיבן און אַכציק יאָר, און האָט געבאָרן לֶמֶכן. [26] און מְתוּשֶׁלַח האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן לֶמֶכן, זיבן הונדערט יאָר און צוויי און אַכציק יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [27] און אַלע טעג פון מְתוּשֶׁלַחן זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און ניין און זעכציק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

[28] און לֶמֶך האָט געלעבט הונדערט יאָר און צוויי און אַכציק יאָר, און האָט געבאָרן אַ זון. [29] און ער האָט גערופן זיין נאָמען נֹחַ, אַזוי צו זאָגן: דער דאָזיקער וועט אונדז זיין אַ נחמה פאַר אונדזער אַרבעט, און פאַר דער מאַטערניש פון אונדזערע הענט, פון וועגן דער ערד וואָס גאָט האָט זי פאַרשאָלטן. [30] און לֶמֶך האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן נֹחַן, פינף הונדערט יאָר און פינף און ניינציק יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער. [31] און אַלע טעג פון לֶמֶכן זיינען געווען זיבן הונדערט יאָר און זיבן און זיבעציק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

[32] און אַז נֹחַ איז געוואָרן פינף הונדערט יאָר אַלט, האָט נֹחַ געבאָרן שֵׁמען, חָמען, און יֶפֶתן.

אֶת־מַהֲלַלְאֵל אַרְבָּעִים שָׁנָה וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד
יד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי קֵינָן עֶשֶׂר שָׁנִים וּתְשַׁע מֵאוֹת
טו שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי מַהֲלַלְאֵל חָמֵשׁ שָׁנִים וְשִׁשִּׁים שָׁנָה
טז וַיּוֹלֶד אֶת־יָרֶד׃ וַיְחִי מַהֲלַלְאֵל אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־יֶרֶד
שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃
יז וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי מַהֲלַלְאֵל חָמֵשׁ וְתִשְׁעִים שָׁנָה וּשְׁמֹנֶה מֵאוֹת
יח שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי־יֶרֶד שְׁתַּיִם וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּמְאַת
יט שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־חֲנוֹךְ׃ וַיְחִי־יֶרֶד אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־חֲנוֹךְ
כ שְׁמֹנֶה מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי־יֶרֶד
כא שְׁתַּיִם וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְחִי
כב חֲנוֹךְ חָמֵשׁ וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־מְתוּשָׁלַח׃ וַיִּתְהַלֵּךְ
חֲנוֹךְ אֶת־הָאֱלֹהִים אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־מְתוּשֶׁלַח שְׁלֹשׁ
כג מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיְהִי כָּל־יְמֵי חֲנוֹךְ חָמֵשׁ
כד וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת שָׁנָה׃ וַיִּתְהַלֵּךְ חֲנוֹךְ אֶת־
שב׳ הָאֱלֹהִים וְאֵינֶנּוּ כִּי־לָקַח אֹתוֹ אֱלֹהִים׃ ס וַיְחִי מְתוּשֶׁלַח
כו שֶׁבַע וּשְׁמֹנִים שָׁנָה וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־לָמֶךְ׃ וַיְחִי
מְתוּשֶׁלַח אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־לֶמֶךְ שְׁתַּיִם וּשְׁמוֹנִים שָׁנָה
כז וּשְׁבַע מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיִּהְיוּ כָּל־יְמֵי
מְתוּשֶׁלַח תֵּשַׁע וְשִׁשִּׁים שָׁנָה וּתְשַׁע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס
כח וַיְחִי־לֶמֶךְ שְׁתַּיִם וּשְׁמֹנִים שָׁנָה וּמְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בֵּן׃
כט וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ נֹחַ לֵאמֹר זֶה יְנַחֲמֵנוּ מִמַּעֲשֵׂנוּ וּמֵעִצְּבוֹן
ל יָדֵינוּ מִן־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אֵרְרָהּ יְהוָה׃ וַיְחִי־לֶמֶךְ אַחֲרֵי
הוֹלִידוֹ אֶת־נֹחַ חָמֵשׁ וְתִשְׁעִים שָׁנָה וַחֲמֵשׁ מֵאֹת
לא שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וַיְהִי כָּל־יְמֵי־לֶמֶךְ שֶׁבַע
לב וְשִׁבְעִים שָׁנָה וּשְׁבַע מֵאוֹת שָׁנָה וַיָּמֹת׃ ס וַיְהִי־
נֹחַ בֶּן־חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד נֹחַ אֶת־שֵׁם אֶת־חָם
וְאֶת־יָפֶת׃

כט. הקורא יטעם הגרש קודם התלשא

# ו

א וַיְהִי כִּי־הֵחֵל הָאָדָם לָרֹב עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה וּבָנוֹת יֻלְּדוּ
ב לָהֶם׃ וַיִּרְאוּ בְנֵי־הָאֱלֹהִים אֶת־בְּנוֹת הָאָדָם כִּי טֹבֹת הֵנָּה
ג וַיִּקְחוּ לָהֶם נָשִׁים מִכֹּל אֲשֶׁר בָּחָרוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה לֹא־
יָדוֹן רוּחִי בָאָדָם לְעֹלָם בְּשַׁגַּם הוּא בָשָׂר וְהָיוּ יָמָיו מֵאָה
ד וְעֶשְׂרִים שָׁנָה׃ הַנְּפִלִים הָיוּ בָאָרֶץ בַּיָּמִים הָהֵם וְגַם אַחֲרֵי־
כֵן אֲשֶׁר יָבֹאוּ בְּנֵי הָאֱלֹהִים אֶל־בְּנוֹת הָאָדָם וְיָלְדוּ לָהֶם
הֵמָּה הַגִּבֹּרִים אֲשֶׁר מֵעוֹלָם אַנְשֵׁי הַשֵּׁם׃ פ
מפ׳ וַיַּרְא יְהוָה כִּי רַבָּה רָעַת הָאָדָם בָּאָרֶץ וְכָל־יֵצֶר
ו מַחְשְׁבֹת לִבּוֹ רַק רַע כָּל־הַיּוֹם׃ וַיִּנָּחֶם יְהוָה כִּי־עָשָׂה
ז אֶת־הָאָדָם בָּאָרֶץ וַיִּתְעַצֵּב אֶל־לִבּוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶמְחֶה
אֶת־הָאָדָם אֲשֶׁר־בָּרָאתִי מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה מֵאָדָם עַד־
בְּהֵמָה עַד־רֶמֶשׂ וְעַד־עוֹף הַשָּׁמָיִם כִּי נִחַמְתִּי כִּי עֲשִׂיתִם׃
ח וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי יְהוָה׃ פ

ו 1 און עס איז געווען, אַז די מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן מערן אויפֿן געזיכט פֿון דער ערד, און בײַ זיי זײַנען געבאָרן געוואָרן טעכטער, 2 האָבן די זין פֿון גאָט[א] געזען די טעכטער פֿון מענטשן אַז זיי זײַנען שיין, און זיי האָבן זיך גענומען ווײַבער וועמען־נאָר זיי האָבן אויסדערוויילט. 3 האָט גאָט געזאָגט: מײַן גייסט זאָל ניט בלײַבן אין דעם מענטשן אויף אייביק, וואָרום ער איז פֿאָרט פֿלייש; נאָר זײַנע טעג זאָלן זײַן הונדערט און צוואַנציק יאָר.

4 די נפֿילים זײַנען געווען אויף דער ערד אין יענע טעג—און אויך דערנאָך—ווען די זין פֿון גאָט פֿלעגן קומען צו די טעכטער פֿון מענטשן, און זיי פֿלעגן געבערן פֿון זיי; דאָס זײַנען די גיבורים וואָס פֿון פֿאַרצײַטן, מענער מיט אַ נאָמען.

5 און גאָט האָט געזען אַז דאָס בייז פֿון דעם מענטשן איז גרויס אויף דער ערד, און די גאַנצע טראַכטונג פֿון די מחשבות פֿון זײַן האַרצן איז רק צום בייזן אַ גאַנצן טאָג. 6 און גאָט האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט געמאַכט דעם מענטשן אויף דער ערד, און ער איז געווען באַקומערט אין זײַן האַרצן. 7 און גאָט האָט געזאָגט: איך וועל אָפּמעקן דעם מענטשן וואָס איך האָב באַשאַפֿן, פֿון דעם געזיכט פֿון דער ערד; פֿון אַ מענטשן ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ, און ביז אַ פֿויגל פֿון הימל; וואָרום איך האָב חרטה וואָס איך האָב זיי געמאַכט. 8 אָבער נח האָט געפֿונען לײַטזעליקייט אין די אויגן פֿון גאָט.

# נֹחַ

ט אֵלֶּה תּוֹלְדֹת נֹחַ נֹחַ אִישׁ צַדִּיק תָּמִים הָיָה בְּדֹרֹתָיו
י אֶת־הָאֱלֹהִים הִתְהַלֶּךְ־נֹחַ׃ וַיּוֹלֶד נֹחַ שְׁלֹשָׁה בָנִים אֶת־
יא שֵׁם אֶת־חָם וְאֶת־יָפֶת׃ וַתִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ לִפְנֵי הָאֱלֹהִים
יב וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ חָמָס׃ וַיַּרְא אֱלֹהִים אֶת־הָאָרֶץ וְהִנֵּה
נִשְׁחָתָה כִּי־הִשְׁחִית כָּל־בָּשָׂר אֶת־דַּרְכּוֹ עַל־הָאָרֶץ׃ ס
יג וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים לְנֹחַ קֵץ כָּל־בָּשָׂר בָּא לְפָנַי כִּי־מָלְאָה
יד הָאָרֶץ חָמָס מִפְּנֵיהֶם וְהִנְנִי מַשְׁחִיתָם אֶת־הָאָרֶץ׃ עֲשֵׂה
לְךָ תֵּבַת עֲצֵי־גֹפֶר קִנִּים תַּעֲשֶׂה אֶת־הַתֵּבָה וְכָפַרְתָּ אֹתָהּ
טו מִבַּיִת וּמִחוּץ בַּכֹּפֶר׃ וְזֶה אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה אֹתָהּ שְׁלֹשׁ מֵאוֹת
אַמָּה אֹרֶךְ הַתֵּבָה חֲמִשִּׁים אַמָּה רָחְבָּהּ וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה
טז קוֹמָתָהּ׃ צֹהַר תַּעֲשֶׂה לַתֵּבָה וְאֶל־אַמָּה תְּכַלֶּנָּה מִלְמַעְלָה
וּפֶתַח הַתֵּבָה בְּצִדָּהּ תָּשִׂים תַּחְתִּיִּם שְׁנִיִּם וּשְׁלִשִׁים
יז תַּעֲשֶׂהָ׃ וַאֲנִי הִנְנִי מֵבִיא אֶת־הַמַּבּוּל מַיִם עַל־הָאָרֶץ

9 דאָס איז די געשיכטע פֿון נחן. נח איז געווען אַ גערעכטער, ערלעכער מאַן אין זײַן דור; מיט גאָט איז געגאַנגען נח. 10 און נח האָט געבאָרן דרײַ זין: שֵׁם, חָם, און יֶפֶת. 11 און די ערד איז פֿאַרדאָרבן געוואָרן פֿאַר גאָט, און די ערד איז פֿול געוואָרן מיט אומרעכט. 12 און גאָט האָט געזען די ערד, ערשט זי איז פֿאַרדאָרבן, ווײַל יעטוועדער לײַב האָט פֿאַרדאָרבן זײַן וועג אויף דער ערד. 13 און גאָט האָט געזאָגט צו נחן: דער סוף פֿון אַלע לײַבער איז געקומען פֿאַר מיר, וואָרום די ערד איז פֿול מיט אומרעכט דורך זיי; און זע, איך ברענג זיי אום מיט דער ערד. 14 מאַך דיר אַ תבה פֿון פֿימסנהאָלץ; אין קאַמערן זאָלסטו מאַכן די תבה, און זאָלסט זי אויספּעכן פֿון אינעווייניק און פֿון אויסנווייניק מיט פּעך. 15 און אָט ווי דו זאָלסט זי מאַכן: דרײַ הונדערט איילן די לענג פֿון דער תבה, פֿופֿציק איילן איר ברייט, און דרײַסיק איילן איר הייך. 16 אַ גיבלדאַך זאָלסטו מאַכן צו דער תבה, און אויף אַן אייל [די ברייט] זאָלסטו זי פֿאַרענדיקן פֿון אויבן; און דעם אײַנגאַנג פֿון דער תבה זאָלסטו מאַכן אין איר זײַט; מיט אַן אונטערשטן, צווייטן, און דריטן שטאָק זאָלסטו זי מאַכן. 17 און איך, זע, איך ברענג אַ מבול וואַסער אויף דער

[א] די מלאָכים.

לְשַׁחֵת כָּל־בָּשָׂר אֲשֶׁר־בּוֹ רוּחַ חַיִּים מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם כֹּל
יח אֲשֶׁר־בָּאָרֶץ יִגְוָע׃ וַהֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי אִתָּךְ וּבָאתָ אֶל־
יט הַתֵּבָה אַתָּה וּבָנֶיךָ וְאִשְׁתְּךָ וּנְשֵׁי־בָנֶיךָ אִתָּךְ׃ וּמִכָּל־הָחַי
מִכָּל־בָּשָׂר שְׁנַיִם מִכֹּל תָּבִיא אֶל־הַתֵּבָה לְהַחֲיֹת אִתָּךְ
כ זָכָר וּנְקֵבָה יִהְיוּ׃ מֵהָעוֹף לְמִינֵהוּ וּמִן־הַבְּהֵמָה לְמִינָהּ
מִכֹּל רֶמֶשׂ הָאֲדָמָה לְמִינֵהוּ שְׁנַיִם מִכֹּל יָבֹאוּ אֵלֶיךָ
כא לְהַחֲיוֹת׃ וְאַתָּה קַח־לְךָ מִכָּל־מַאֲכָל אֲשֶׁר יֵאָכֵל וְאָסַפְתָּ
כב אֵלֶיךָ וְהָיָה לְךָ וְלָהֶם לְאָכְלָה׃ וַיַּעַשׂ נֹחַ כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה
אֹתוֹ אֱלֹהִים כֵּן עָשָׂה׃

ז

שני וַיֹּאמֶר יְהוָה לְנֹחַ בֹּא־אַתָּה וְכָל־בֵּיתְךָ אֶל־הַתֵּבָה כִּי־
ב אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק לְפָנַי בַּדּוֹר הַזֶּה׃ מִכֹּל ׀ הַבְּהֵמָה
הַטְּהוֹרָה תִּקַּח־לְךָ שִׁבְעָה שִׁבְעָה אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ וּמִן־
ג הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר לֹא טְהֹרָה הִוא שְׁנַיִם אִישׁ וְאִשְׁתּוֹ׃ גַּם
מֵעוֹף הַשָּׁמַיִם שִׁבְעָה שִׁבְעָה זָכָר וּנְקֵבָה לְחַיּוֹת זֶרַע עַל־
ד פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ׃ כִּי לְיָמִים עוֹד שִׁבְעָה אָנֹכִי מַמְטִיר עַל־
הָאָרֶץ אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לָיְלָה וּמָחִיתִי אֶת־כָּל־
ה הַיְקוּם אֲשֶׁר עָשִׂיתִי מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וַיַּעַשׂ נֹחַ כְּכֹל
ו אֲשֶׁר־צִוָּהוּ יְהוָה׃ וְנֹחַ בֶּן־שֵׁשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וְהַמַּבּוּל הָיָה
ז מַיִם עַל־הָאָרֶץ׃ וַיָּבֹא נֹחַ וּבָנָיו וְאִשְׁתּוֹ וּנְשֵׁי־בָנָיו אִתּוֹ אֶל־
ח הַתֵּבָה מִפְּנֵי מֵי הַמַּבּוּל׃ מִן־הַבְּהֵמָה הַטְּהוֹרָה וּמִן־
הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר אֵינֶנָּה טְהֹרָה וּמִן־הָעוֹף וְכֹל אֲשֶׁר־רֹמֵשׂ
ט עַל־הָאֲדָמָה׃ שְׁנַיִם שְׁנַיִם בָּאוּ אֶל־נֹחַ אֶל־הַתֵּבָה זָכָר
י וּנְקֵבָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֱלֹהִים אֶת־נֹחַ׃ וַיְהִי לְשִׁבְעַת הַיָּמִים
יא וּמֵי הַמַּבּוּל הָיוּ עַל־הָאָרֶץ׃ בִּשְׁנַת שֵׁשׁ־מֵאוֹת שָׁנָה לְחַיֵּי־
נֹחַ בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בְּשִׁבְעָה־עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ בַּיּוֹם הַזֶּה
נִבְקְעוּ כָּל־מַעְיְנֹת תְּהוֹם רַבָּה וַאֲרֻבֹּת הַשָּׁמַיִם נִפְתָּחוּ׃

---

ו, יט, ההיא בקמץ

ערד, אומצוברענגען יעטוועדער לייב וואָס אין אים איז דאָ אַן אָטעם פון לעבן, פון אונטערן הימל; אַלץ וואָס אויף דער ערד וועט אומקומען. [18] אָבער איך וועל אויפשטעלן מיין בונד מיט דיר, און וועסט אַריינגיין אין דער תבה, דו און דיינע זין, און דיין ווייב, און דיינע זינס ווייבער, מיט דיר. [19] און פון אַלץ וואָס לעבט, פון אַלע לייבער, זאָלסטו אַריינברענגען צו צוויי פון איטלעכן אין דער תבה, אויף צו דערהאַלטן ביים לעבן מיט דיר; אַ זָכר און אַ נקבה זאָלן זיי זיין. [20] פון די פויגלען לויט זייערע מינים, און פון די בהמות לויט זייערע מינים, פון אַלע שרצים פון דער ערד לויט זייערע מינים, צו צוויי פון איטלעכן זאָלן אַריינגיין צו דיר, אויף צו דערהאַלטן ביים לעבן. [21] און דו נעם דיר פון יעטוועדער עסנוואַרג וואָס ווערט געגעסן, און זאַמל איין צו דיר, כּדי עס זאָל זיין פאַר דיר און פאַר זיי צום עסן.

[22] און נח האָט אַזוי געטאָן; אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפוילן, אַזוי האָט ער געטאָן.

ז [1] און גאָט האָט געזאָגט צו נחן: גיי אַריין דו און דיין גאַנץ הויזגעזינט אין דער תבה, וואָרום דיך האָב איך געזען גערעכט פאַר מיר אין דעמדאָזיקן דור. [2] פון אַלע ריינע בהמות זאָלסטו דיר נעמען צו זיבן און זיבן, איטלעכס מיט זיין פּאָר; און פון די בהמות וואָס זיי זיינען ניט ריין, צו צוויי, איטלעכס מיט זיין פּאָר. [3] אויך פון די פויגלען פון הימל צו זיבן און זיבן, אַן ער און אַ זי, כּדי צו דערהאַלטן זאָמען אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד. [4] וואָרום אין זיבן טעג אַרום, מאַך איך רעגענען אויף דער ערד פערציק טעג און פערציק נעכט, און איך וועל אָפּמעקן דעם גאַנצן באַשטאַנד וואָס איך האָב געמאַכט, פון דעם געזיכט פון דער ערד.

[5] און נח האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפוילן.

[6] און נח איז געווען זעקס הונדערט יאָר אַלט, ווען דער מבול איז געווען אויף דער ערד. [7] און נח, און זיינע זין, און זיין ווייב, און זיינע זינס ווייבער, מיט אים, זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער תבה, פון וועגן דעם וואַסער פון מבול. [8] פון די ריינע בהמות, און פון די בהמות וואָס זיינען ניט ריין, און פון די פויגלען און אַלץ וואָס קריכט אויף דער ערד, [9] זיינען צו צוויי צו צוויי אַריינגעגאַנגען צו נחן אין דער תבה, אַ זָכר און אַ נקבה, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן נחן.

[10] און עס איז געווען צו זיבן טעג, אַזוי איז דאָס וואַסער פון מבול געווען אויף דער ערד. [11] אין דעם זעקס הונדערטסטן יאָר פון נחס לעבן, אין צווייטן חודש, אין זיבעצנטן טאָג פון חודש, אין דעמדאָזיקן טאָג האָבן אויסגעבראָכן אַלע קוואַלן פון גרויסן תהום, און די פענצטער פון הימל האָבן זיך געעפנט.

יב וַיְהִי הַגֶּשֶׁם עַל־הָאָרֶץ אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לָיְלָה׃
יג בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה בָּא נֹחַ וְשֵׁם־וְחָם וָיֶפֶת בְּנֵי־נֹחַ וְאֵשֶׁת
יד נֹחַ וּשְׁלֹשֶׁת נְשֵׁי־בָנָיו אִתָּם אֶל־הַתֵּבָה׃ הֵמָּה וְכָל־הַחַיָּה
לְמִינָהּ וְכָל־הַבְּהֵמָה לְמִינָהּ וְכָל־הָרֶמֶשׂ הָרֹמֵשׂ עַל־
הָאָרֶץ לְמִינֵהוּ וְכָל־הָעוֹף לְמִינֵהוּ כֹּל צִפּוֹר כָּל־כָּנָף׃
טו וַיָּבֹאוּ אֶל־נֹחַ אֶל־הַתֵּבָה שְׁנַיִם שְׁנַיִם מִכָּל־הַבָּשָׂר אֲשֶׁר־
טז בּוֹ רוּחַ חַיִּים׃ וְהַבָּאִים זָכָר וּנְקֵבָה מִכָּל־בָּשָׂר בָּאוּ
שלי כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ אֱלֹהִים וַיִּסְגֹּר יְהוָה בַּעֲדוֹ׃ וַיְהִי הַמַּבּוּל
אַרְבָּעִים יוֹם עַל־הָאָרֶץ וַיִּרְבּוּ הַמַּיִם וַיִּשְׂאוּ אֶת־הַתֵּבָה
יח וַתָּרָם מֵעַל הָאָרֶץ׃ וַיִּגְבְּרוּ הַמַּיִם וַיִּרְבּוּ מְאֹד עַל־הָאָרֶץ
יט וַתֵּלֶךְ הַתֵּבָה עַל־פְּנֵי הַמָּיִם׃ וְהַמַּיִם גָּבְרוּ מְאֹד מְאֹד
עַל־הָאָרֶץ וַיְכֻסּוּ כָּל־הֶהָרִים הַגְּבֹהִים אֲשֶׁר־תַּחַת כָּל־
כ הַשָּׁמָיִם׃ חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה אַמָּה מִלְמַעְלָה גָּבְרוּ הַמָּיִם וַיְכֻסּוּ
כא הֶהָרִים׃ וַיִּגְוַע כָּל־בָּשָׂר ׀ הָרֹמֵשׂ עַל־הָאָרֶץ בָּעוֹף וּבַבְּהֵמָה
כב וּבַחַיָּה וּבְכָל־הַשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ עַל־הָאָרֶץ וְכֹל הָאָדָם׃ כֹּל
אֲשֶׁר נִשְׁמַת־רוּחַ חַיִּים בְּאַפָּיו מִכֹּל אֲשֶׁר בֶּחָרָבָה מֵתוּ׃
כג וַיִּמַח אֶת־כָּל־הַיְקוּם ׀ אֲשֶׁר ׀ עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה מֵאָדָם
עַד־בְּהֵמָה עַד־רֶמֶשׂ וְעַד־עוֹף הַשָּׁמַיִם וַיִּמָּחוּ מִן־הָאָרֶץ
כד וַיִּשָּׁאֶר אַךְ־נֹחַ וַאֲשֶׁר אִתּוֹ בַּתֵּבָה׃ וַיִּגְבְּרוּ הַמַּיִם עַל־
הָאָרֶץ חֲמִשִּׁים וּמְאַת יוֹם׃

ח

א וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים אֶת־נֹחַ וְאֵת כָּל־הַחַיָּה וְאֶת־כָּל־הַבְּהֵמָה
אֲשֶׁר אִתּוֹ בַּתֵּבָה וַיַּעֲבֵר אֱלֹהִים רוּחַ עַל־הָאָרֶץ וַיָּשֹׁכּוּ
ב הַמָּיִם׃ וַיִּסָּכְרוּ מַעְיְנֹת תְּהוֹם וַאֲרֻבֹּת הַשָּׁמָיִם וַיִּכָּלֵא
ג הַגֶּשֶׁם מִן־הַשָּׁמָיִם׃ וַיָּשֻׁבוּ הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ הָלוֹךְ וָשׁוֹב
ד וַיַּחְסְרוּ הַמַּיִם מִקְצֵה חֲמִשִּׁים וּמְאַת יוֹם׃ וַתָּנַח הַתֵּבָה
בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּשִׁבְעָה־עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ עַל הָרֵי אֲרָרָט׃

ז, כג׳ המ׳ רפה

[12] און דער רעגן איז געווען אויף דער ערד פערציק טעג און פערציק נעכט.

[13] אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג זיינען אַרייַנגעגאַנגען נח, און שֵם, און חָם, און יֶפֶת, נחס זין, און נחס ווייב, און די דריי ווייבער פון זיינע זין מיט זיי, אין דער תבה; [14] זיי, און אַלע חיות לויט זייערע מינים, און אַלע בהמות לויט זייערע מינים, און אַלע שרצים וואָס קריכן אויף דער ערד לויט זייערע מינים, און אַלע עופות לויט זייערע מינים, איטלעך פויגל, איטלעך געפליגל. [15] און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען צו נחן אין דער תבה, צו צוויי, צו צוויי פון אַלע לייבער וואָס אין זיי איז דאָ אַן אָטעם פון לעבן. [16] און די וואָס זיינען אַרייַנגעגאַנגען, זיינען אַרייַנגעגאַנגען אַ זָכר און אַ נקבה פון אַלע לייבער, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן; און גאָט האָט פאַרשלאָסן הינטער אים.

[17] און דער מבול איז געווען פערציק טעג אויף דער ערד, און די וואַסערן האָבן זיך געמערט, און זיי האָבן געטראָגן די תבה, און זי האָט זיך אויפגעהויבן איבער דער ערד. [18] און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט, און האָבן זיך זייער געמערט אויף דער ערד, און די תבה איז געגאַנגען אויף דער אויבערפלעך פון די וואַסערן. [19] און די וואַסערן האָבן זיך זייער זייער געשטאַרקט אויף דער ערד; און עס זיינען פאַרדעקט געוואָרן אַלע הויכע בערג וואָס אונטערן גאַנצן הימל. [20] פופצן איילן אַריבער האָבן זיך די וואַסערן געשטאַרקט, און די בערג זיינען פאַרדעקט געוואָרן. [21] און עס איז אומגעקומען יעטוועדער לייב וואָס באַוועגט זיך אויף דער ערד, סיי אַ פויגל, סיי אַ בהמה, סיי אַ חיה, סיי יעטוועדער שרץ וואָס קריכט אויף דער ערד, און יעטוועדער מענטש; [22] אַלץ וואָס אין זיינע נאָזלעכער איז געווען אַ הויך פון אַ לעבעדיקן אָטעם, אַלץ וואָס אויף דער יבשה, איז געשטאָרבן. [23] און ער האָט אָפּגעמעקט דעם גאַנצן באַשטאַנד וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד, פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה, ביז אַ שרץ, און ביז אַ פויגל פון הימל; און זיי זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן פון דער ערד, און נאָר נח איז געבליבן, און די וואָס מיט אים אין דער תבה. [24] און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט אויף דער ערד הונדערט און פופציק טעג.

ח [1] און גאָט האָט געדאַכט אָן נחן, און אָן אַלע חיות, און אָן אַלע בהמות, וואָס מיט אים אין דער תבה, און גאָט האָט געמאַכט אַריבערגיין אַ ווינט אויף דער ערד, און די וואַסערן האָבן זיך אַייַנגעשטילט. [2] און עס זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן פון תהום, און די פענצטער פון הימל; און דער רעגן פון הימל איז פאַרהאַלטן געוואָרן. [3] און די וואַסערן האָבן געהאַלטן אין איין אָפּטרעטן פון דער ערד; און די וואַסערן זיינען געמינערט געוואָרן צום סוף פון הונדערט און פופציק טעג. [4] און די תבה האָט גערוט אין זיבעטן חודש, אין זיבעצנטן טאָג פון חודש, אויף די בערג פון אַרָרט.

ה וְהַמַּיִם הָיוּ הָלוֹךְ וְחָסוֹר עַד הַחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי בָּעֲשִׂירִי
ו בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ נִרְאוּ רָאשֵׁי הֶהָרִים׃ וַיְהִי מִקֵּץ אַרְבָּעִים
ז יוֹם וַיִּפְתַּח נֹחַ אֶת־חַלּוֹן הַתֵּבָה אֲשֶׁר עָשָׂה׃ וַיְשַׁלַּח אֶת־
הָעֹרֵב וַיֵּצֵא יָצוֹא וָשׁוֹב עַד־יְבֹשֶׁת הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ׃
ח וַיְשַׁלַּח אֶת־הַיּוֹנָה מֵאִתּוֹ לִרְאוֹת הֲקַלּוּ הַמַּיִם מֵעַל פְּנֵי
ט הָאֲדָמָה׃ וְלֹא־מָצְאָה הַיּוֹנָה מָנוֹחַ לְכַף־רַגְלָהּ וַתָּשָׁב
אֵלָיו אֶל־הַתֵּבָה כִּי מַיִם עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ וַיִּשְׁלַח יָדוֹ
י וַיִּקָּחֶהָ וַיָּבֵא אֹתָהּ אֵלָיו אֶל־הַתֵּבָה׃ וַיָּחֶל עוֹד שִׁבְעַת
יא יָמִים אֲחֵרִים וַיֹּסֶף שַׁלַּח אֶת־הַיּוֹנָה מִן־הַתֵּבָה׃ וַתָּבֹא
אֵלָיו הַיּוֹנָה לְעֵת עֶרֶב וְהִנֵּה עֲלֵה־זַיִת טָרָף בְּפִיהָ וַיֵּדַע
יב נֹחַ כִּי־קַלּוּ הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ׃ וַיִּיָּחֶל עוֹד שִׁבְעַת יָמִים
יג אֲחֵרִים וַיְשַׁלַּח אֶת־הַיּוֹנָה וְלֹא־יָסְפָה שׁוּב־אֵלָיו עוֹד׃ וַיְהִי
בְּאַחַת וְשֵׁשׁ־מֵאוֹת שָׁנָה בָּרִאשׁוֹן בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ חָרְבוּ
הַמַּיִם מֵעַל הָאָרֶץ וַיָּסַר נֹחַ אֶת־מִכְסֵה הַתֵּבָה וַיַּרְא וְהִנֵּה
יד חָרְבוּ פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וּבַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בְּשִׁבְעָה וְעֶשְׂרִים יוֹם
טו לַחֹדֶשׁ יָבְשָׁה הָאָרֶץ׃ ס וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים אֶל־נֹחַ לֵאמֹר׃
טז צֵא מִן־הַתֵּבָה אַתָּה וְאִשְׁתְּךָ וּבָנֶיךָ וּנְשֵׁי־בָנֶיךָ אִתָּךְ׃
יז כָּל־הַחַיָּה אֲשֶׁר־אִתְּךָ מִכָּל־בָּשָׂר בָּעוֹף וּבַבְּהֵמָה וּבְכָל־
הָרֶמֶשׂ הָרֹמֵשׂ עַל־הָאָרֶץ הוֹצֵא אִתָּךְ וְשָׁרְצוּ בָאָרֶץ וּפָרוּ
יח וְרָבוּ עַל־הָאָרֶץ׃ וַיֵּצֵא־נֹחַ וּבָנָיו וְאִשְׁתּוֹ וּנְשֵׁי־בָנָיו אִתּוֹ׃
יט כָּל־הַחַיָּה כָּל־הָרֶמֶשׂ וְכָל־הָעוֹף כֹּל רוֹמֵשׂ עַל־הָאָרֶץ
כ לְמִשְׁפְּחֹתֵיהֶם יָצְאוּ מִן־הַתֵּבָה׃ וַיִּבֶן נֹחַ מִזְבֵּחַ לַיהוָה
וַיִּקַּח מִכֹּל ׀ הַבְּהֵמָה הַטְּהֹרָה וּמִכֹּל הָעוֹף הַטָּהֹר וַיַּעַל
כא עֹלֹת בַּמִּזְבֵּחַ׃ וַיָּרַח יְהוָה אֶת־רֵיחַ הַנִּיחֹחַ וַיֹּאמֶר יְהוָה
אֶל־לִבּוֹ לֹא אֹסִף לְקַלֵּל עוֹד אֶת־הָאֲדָמָה בַּעֲבוּר
הָאָדָם כִּי יֵצֶר לֵב הָאָדָם רַע מִנְּעֻרָיו וְלֹא־אֹסִף עוֹד
כב לְהַכּוֹת אֶת־כָּל־חַי כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי׃ עֹד כָּל־יְמֵי הָאָרֶץ

יז׳ הוצא קרי יה׳ במקף ובגעיה

[5] און די וואַסערן האָבן געהאַלטן אין איין געמינערט ווערן ביזן צענטן חודש; אין צענטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, האָבן זיך באַוויזן די שפּיצן פון די בערג.

[6] און עס איז געווען צום סוף פון פערציק טעג, האָט נח געעפנט דעם פענצטער פון דער תבה וואָס ער האָט געמאַכט. [7] און ער האָט אַרויסגעשיקט דעם ראָב, און ער איז אַרויס הין און צוריק, ביז דאָס וואַסער איז אָפּגעטריקנט געוואָרן פון דעם געזיכט פון דער ערד. [8] האָט ער אַרויסגעשיקט פון זיך די טויב, צו זען אויב דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן פון דעם געזיכט פון דער ערד. [9] אָבער די טויב האָט ניט געפונען קיין אָפּרו פאַר איר פוסטריט, און זי האָט זיך אומגעקערט צו אים אין דער תבה, ווייל וואַסער איז געווען אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד. האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און האָט זי גענומען און זי אַריינגעבראַכט צו זיך אין דער תבה. [10] און ער האָט אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבן טעג, און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב פון דער תבה. [11] און די טויב איז געקומען אין אָוונטצייט, ערשט אַן אָפּגעריסן איילבערטבלאַט איז אין איר מויל, און נח האָט געוווּסט אַז דאָס וואַסער איז אָפּגעפאַלן פון דער ערד. [12] האָט ער אָפּגעוואַרט נאָך אַנדערע זיבן טעג, און האָט אַרויסגעשיקט די טויב, און זי האָט זיך מער ניט אומגעקערט צו אים ווידער.

[13] און עס איז געווען אין דעם זעקס הונדערט און ערשטן יאָר, אין ערשטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, איז אָפּגעטריקנט געוואָרן דאָס וואַסער פון דער ערד, און נח האָט אַראָפּגענומען דעם דעק פון דער תבה, און האָט אַ קוק געטאָן, ערשט דאָס געזיכט פון דער ערד איז טרוקן. [14] און אין צווייטן חודש, אין זיבן און צוואַנציקסטן טאָג פון חודש, איז אויסגעטריקנט געוואָרן די ערד.

[15] און גאָט האָט גערעדט צו נחן, אַזוי צו זאָגן: [16] גיי אַרויס פון דער תבה, דו, און דיין ווייב, און דיינע זין, און די ווייבער פון דיינע זין, מיט דיר. [17] יעטוועדער לעבעדיקע זאַך וואָס מיט דיר, פון אַלע לייבער, סיי אַ פויגל, סיי אַ בהמה, סיי יעטוועדער שרץ וואָס קריכט אויף דער ערד, ברענג אַרויס מיט זיך, און זיי זאָלן זיך ווידמענען אויף דער ערד, און זיך פרוכפּערן און מערן אויף דער ערד.

[18] איז אַרויסגעגאַנגען נח, און זיינע זין, און זיין ווייב, און זיינע זינס ווייבער, מיט אים. [19] יעטוועדער חיה, יעטוועדער שרץ, און יעטוועדער פויגל, אַלץ וואָס באַוועגט זיך אויף דער ערד, לויט זייערע משפחות, זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער תבה. [20] און נח האָט געבויט אַ מזבח צו גאָט, און ער האָט גענומען פון אַלע ריינע בהמות, און פון אַלע ריינע פויגלען, און האָט אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער אויפן מזבח. [21] און גאָט האָט געשמעקט דעם גערשמאַקן ריח, און גאָט האָט געזאָגט אין זיין האַרצן: איך וועל מער ווידער ניט פאַרשילטן די ערד פון וועגן דעם מענטשן; וואָרום די טראַכטונג פון דעם מענטשנס האַרצן איז שלעכט פון זיין יוגנט אָן; און איך וועל מער ווידער ניט דערשלאָגן אַלץ וואָס לעבט, אַזוי ווי איך האָב געטאָן. [22] אַזוי לאַנג ווי די טעג פון דער ערד, זאָל זייאונג

וְזֶרַע וְקָצִיר וְקֹר וָחֹם וְקַיִץ וָחֹרֶף וְיוֹם וָלַיְלָה לֹא
יִשְׁבֹּתוּ׃

ט

א וַיְבָרֶךְ אֱלֹהִים אֶת־נֹחַ וְאֶת־בָּנָיו וַיֹּאמֶר לָהֶם פְּרוּ וּרְבוּ
ב וּמִלְאוּ אֶת־הָאָרֶץ׃ וּמוֹרַאֲכֶם וְחִתְּכֶם יִהְיֶה עַל כָּל־חַיַּת
הָאָרֶץ וְעַל כָּל־עוֹף הַשָּׁמָיִם בְּכֹל אֲשֶׁר תִּרְמֹשׂ הָאֲדָמָה
ג וּבְכָל־דְּגֵי הַיָּם בְּיֶדְכֶם נִתָּנוּ׃ כָּל־רֶמֶשׂ אֲשֶׁר הוּא־חַי לָכֶם
ד יִהְיֶה לְאָכְלָה כְּיֶרֶק עֵשֶׂב נָתַתִּי לָכֶם אֶת־כֹּל׃ אַךְ־בָּשָׂר
ה בְּנַפְשׁוֹ דָמוֹ לֹא תֹאכֵלוּ׃ וְאַךְ אֶת־דִּמְכֶם לְנַפְשֹׁתֵיכֶם
אֶדְרֹשׁ מִיַּד כָּל־חַיָּה אֶדְרְשֶׁנּוּ וּמִיַּד הָאָדָם מִיַּד אִישׁ אָחִיו
ו אֶדְרֹשׁ אֶת־נֶפֶשׁ הָאָדָם׃ שֹׁפֵךְ דַּם הָאָדָם בָּאָדָם דָּמוֹ
ז יִשָּׁפֵךְ כִּי בְּצֶלֶם אֱלֹהִים עָשָׂה אֶת־הָאָדָם׃ וְאַתֶּם פְּרוּ
חמ׳ וּרְבוּ שִׁרְצוּ בָאָרֶץ וּרְבוּ־בָהּ׃ ס וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־
ט נֹחַ וְאֶל־בָּנָיו אִתּוֹ לֵאמֹר׃ וַאֲנִי הִנְנִי מֵקִים אֶת־בְּרִיתִי
י אִתְּכֶם וְאֶת־זַרְעֲכֶם אַחֲרֵיכֶם׃ וְאֵת כָּל־נֶפֶשׁ הַחַיָּה אֲשֶׁר
אִתְּכֶם בָּעוֹף בַּבְּהֵמָה וּבְכָל־חַיַּת הָאָרֶץ אִתְּכֶם מִכֹּל יֹצְאֵי
יא הַתֵּבָה לְכֹל חַיַּת הָאָרֶץ׃ וַהֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי אִתְּכֶם
וְלֹא־יִכָּרֵת כָּל־בָּשָׂר עוֹד מִמֵּי הַמַּבּוּל וְלֹא־יִהְיֶה עוֹד
יב מַבּוּל לְשַׁחֵת הָאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים זֹאת אוֹת־הַבְּרִית
אֲשֶׁר־אֲנִי נֹתֵן בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם וּבֵין כָּל־נֶפֶשׁ חַיָּה אֲשֶׁר אִתְּכֶם
יג לְדֹרֹת עוֹלָם׃ אֶת־קַשְׁתִּי נָתַתִּי בֶּעָנָן וְהָיְתָה לְאוֹת בְּרִית
יד בֵּינִי וּבֵין הָאָרֶץ׃ וְהָיָה בְּעַנְנִי עָנָן עַל־הָאָרֶץ וְנִרְאֲתָה
טו הַקֶּשֶׁת בֶּעָנָן׃ וְזָכַרְתִּי אֶת־בְּרִיתִי אֲשֶׁר בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם וּבֵין
כָּל־נֶפֶשׁ חַיָּה בְּכָל־בָּשָׂר וְלֹא־יִהְיֶה עוֹד הַמַּיִם לְמַבּוּל
טז לְשַׁחֵת כָּל־בָּשָׂר׃ וְהָיְתָה הַקֶּשֶׁת בֶּעָנָן וּרְאִיתִיהָ לִזְכֹּר
בְּרִית עוֹלָם בֵּין אֱלֹהִים וּבֵין כָּל־נֶפֶשׁ חַיָּה בְּכָל־בָּשָׂר
יז אֲשֶׁר עַל־הָאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־נֹחַ זֹאת אוֹת־הַבְּרִית
אֲשֶׁר הֲקִמֹתִי בֵּינִי וּבֵין כָּל־בָּשָׂר אֲשֶׁר עַל־הָאָרֶץ׃ פ

און שניט, און קעלט און היץ, און זומער און ווינטער, און טאָג און נאַכט, ניט אויפהערן.

ט [1] און גאָט האָט געבענטשט נחן און זיינע זין, און האָט צו זיי געזאָגט: פרוכפּערט אײַך און מערט אײַך, און פילט אָן די ערד. [2] און אײַער מורא און אײַער שרעק זאָל זיין אויף יעטוועדער חיה פון דער ערד, און אויף יעטוועדער פויגל פון הימל, אויף אַלץ וואָס די ערד ווידמענט, און אויף אַלע פישן פון ים; אין אײַער האַנט זיינען זיי איבערגעגעבן. [3] אַלץ וואָס באַוועגט זיך, וואָס לעבט, זאָל זיין פאַר אײַך צום עסן; אַזוי ווי גרינע קרייטעכץ האָב איך אײַך דאָס אַלץ געגעבן. [4] נאָר פלייש מיט זיין לעבן, זיין בלוט, זאָלט איר ניט עסן. [5] און פאַרוואָר, אײַער בלוט, פון אײַערע נפשות, וועל איך אויפמאָנען; פון דער האַנט פון איטלעכער חיה וועל איך עס אויפמאָנען, און פון דער האַנט פון דעם מענטשן, פון דער האַנט פון דעם מענטשן זיין ברודער, וועל איך אויפמאָנען דאָס לעבן פון אַ מענטשן. [6] דער וואָס פאַרגיסט דאָס בלוט פון אַ מענטשן, זאָל דורך אַ מענטשן זיין בלוט פאַרגאָסן ווערן; וואָרום אין דער געשטאַלט פון גאָט האָט ער געמאַכט דעם מענטשן. [7] און איר, פרוכפּערט אײַך און מערט אײַך; ווידמענט אײַך אויף דער ערד, און מערט אײַך אויף איר.

[8] און גאָט האָט געזאָגט צו נחן און צו זיינע זין מיט אים, אַזוי צו זאָגן: [9] און איך, זע, איך שטעל אויף מיין בונד מיט אײַך, און מיט אײַער זאָמען נאָך אײַך, [10] און מיט יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש וואָס מיט אײַך, סיי אַ פויגל, סיי אַ בהמה, סיי יעטוועדער חיה פון דער ערד מיט אײַך, פון די אַלע וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער תבה, אַלע לעבעדיקע זאַכן פון דער ערד. [11] און איך וועל אויפשטעלן מיין בונד מיט אײַך, און עס וועלן מער ניט פאַרשניטן ווערן אַלע לייבער פון אַ מבול־געוויסער, און עס וועט מער ניט זיין קיין מבול אומצוברענגען די ערד. [12] און גאָט האָט געזאָגט: דאָס איז דער צייכן פון דעם בונד וואָס איך גיב צווישן מיר און צווישן אײַך, און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש וואָס מיט אײַך, אויף אייביקע דורות: [13] מיין בויגן האָב איך אַריינגעטאָן אין וואָלקן, און ער וועט זיין פאַר אַ צייכן פון בונד צווישן מיר און צווישן דער ערד. [14] און עס וועט זיין, ווען איך טו וואָלקענען אַ וואָלקן אויף דער ערד, אַזוי וועט זיך באַווייזן דער בויגן אין דעם וואָלקן, [15] און איך וועל זיך דערמאָנען אָן מיין בונד וואָס צווישן מיר און צווישן אײַך, און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש פון אַלע לייבער, און דאָס וואַסער וועט מער ניט ווערן אַ מבול אומצוברענגען אַלע לייבער. [16] און דער בויגן וועט זיין אין דעם וואָלקן, און איך וועל קוקן אויף אים, כדי זיך צו דערמאָנען אָן דעם אייביקן בונד צווישן גאָט און צווישן יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש פון אַלע לייבער וואָס אויף דער ערד. [17] און גאָט האָט געזאָגט צו נחן: דאָס איז דער צייכן פון דעם בונד וואָס איך האָב אויפגעשטעלט צווישן מיר און צווישן אַלע לייבער וואָס אויף דער ערד.

ששי וַיִּהְיוּ בְנֵי־נֹחַ הַיֹּצְאִים מִן־הַתֵּבָה שֵׁם וְחָם וָיָפֶת וְחָם הוּא
יט אֲבִי כְנָעַן׃ שְׁלֹשָׁה אֵלֶּה בְּנֵי־נֹחַ וּמֵאֵלֶּה נָפְצָה כָל־הָאָרֶץ׃
כ כא וַיָּחֶל נֹחַ אִישׁ הָאֲדָמָה וַיִּטַּע כָּרֶם׃ וַיֵּשְׁתְּ מִן־הַיַּיִן וַיִּשְׁכָּר
כב וַיִּתְגַּל בְּתוֹךְ אָהֳלֹה׃ וַיַּרְא חָם אֲבִי כְנַעַן אֵת עֶרְוַת אָבִיו
כג וַיַּגֵּד לִשְׁנֵי־אֶחָיו בַּחוּץ׃ וַיִּקַּח שֵׁם וָיֶפֶת אֶת־הַשִּׂמְלָה
וַיָּשִׂימוּ עַל־שְׁכֶם שְׁנֵיהֶם וַיֵּלְכוּ אֲחֹרַנִּית וַיְכַסּוּ אֵת עֶרְוַת
כד אֲבִיהֶם וּפְנֵיהֶם אֲחֹרַנִּית וְעֶרְוַת אֲבִיהֶם לֹא רָאוּ׃ וַיִּיקֶץ
כה נֹחַ מִיֵּינוֹ וַיֵּדַע אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה לוֹ בְּנוֹ הַקָּטָן׃ וַיֹּאמֶר
כו אָרוּר כְּנָעַן עֶבֶד עֲבָדִים יִהְיֶה לְאֶחָיו׃ וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה
כז אֱלֹהֵי שֵׁם וִיהִי כְנַעַן עֶבֶד לָמוֹ׃ יַפְתְּ אֱלֹהִים לְיֶפֶת וְיִשְׁכֹּן
כח בְּאָהֳלֵי־שֵׁם וִיהִי כְנַעַן עֶבֶד לָמוֹ׃ וַיְחִי־נֹחַ אַחַר הַמַּבּוּל
כט שְׁלֹשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וַחֲמִשִּׁים שָׁנָה׃ וַיְהִי כָּל־יְמֵי־נֹחַ תְּשַׁע
מֵאוֹת שָׁנָה וַחֲמִשִּׁים שָׁנָה וַיָּמֹת׃ פ

י

א וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת בְּנֵי־נֹחַ שֵׁם חָם וָיָפֶת וַיִּוָּלְדוּ לָהֶם בָּנִים
ב אַחַר הַמַּבּוּל׃ בְּנֵי יֶפֶת גֹּמֶר וּמָגוֹג וּמָדַי וְיָוָן וְתֻבָל וּמֶשֶׁךְ
ג וְתִירָס׃ וּבְנֵי גֹּמֶר אַשְׁכְּנַז וְרִיפַת וְתֹגַרְמָה׃ וּבְנֵי יָוָן
ד ה אֱלִישָׁה וְתַרְשִׁישׁ כִּתִּים וְדֹדָנִים׃ מֵאֵלֶּה נִפְרְדוּ אִיֵּי הַגּוֹיִם
ו בְּאַרְצֹתָם אִישׁ לִלְשֹׁנוֹ לְמִשְׁפְּחֹתָם בְּגוֹיֵהֶם׃ וּבְנֵי חָם
ז כּוּשׁ וּמִצְרַיִם וּפוּט וּכְנָעַן׃ וּבְנֵי כוּשׁ סְבָא וַחֲוִילָה וְסַבְתָּה
ח וְרַעְמָה וְסַבְתְּכָא וּבְנֵי רַעְמָה שְׁבָא וּדְדָן׃ וְכוּשׁ יָלַד אֶת־
ט נִמְרֹד הוּא הֵחֵל לִהְיוֹת גִּבֹּר בָּאָרֶץ׃ הוּא־הָיָה גִבֹּר־צַיִד
לִפְנֵי יְהוָה עַל־כֵּן יֵאָמַר כְּנִמְרֹד גִּבּוֹר צַיִד לִפְנֵי יְהוָה׃
י וַתְּהִי רֵאשִׁית מַמְלַכְתּוֹ בָּבֶל וְאֶרֶךְ וְאַכַּד וְכַלְנֵה בְּאֶרֶץ
יא שִׁנְעָר׃ מִן־הָאָרֶץ הַהִוא יָצָא אַשּׁוּר וַיִּבֶן אֶת־נִינְוֵה וְאֶת־
יב רְחֹבֹת עִיר וְאֶת־כָּלַח׃ וְאֶת־רֶסֶן בֵּין נִינְוֵה וּבֵין כָּלַח
יג הִוא הָעִיר הַגְּדֹלָה׃ וּמִצְרַיִם יָלַד אֶת־לוּדִים וְאֶת־עֲנָמִים

ט, כט׳ כצ״ל

18 און די זין פון נחן וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון דער תּבה, זיינען געווען שֵם, חָם, און יֶפֶת; און חָם, דאָס איז דער פאָטער פון כּנַעַן. 19 דידאָזיקע דריי זיינען געווען די זין פון נחן, און פון זיי האָט זיך צעשפּרייט די גאַנצע ערד.

20 און נח דער אַקערמאַן האָט גענומען און האָט געפלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן. 21 און ער האָט געטרונקען פון דעם וויין, און איז געוואָרן שיכּור און האָט זיך אָפּגעדעקט אין זיין געצעלט. 22 האָט חָם דער פאָטער פון כּנַעַן געזען די נאַקעטקייט פון זיין פאָטער, און האָט דערציילט זיינע צוויי ברידער דרויסן. 23 האָבן שֵם און יֶפֶת גענומען אַ מאַנטל, און אַרויפגעטאָן אויף זייערע ביידנס אַקסלען, און זיי זיינען געגאַנגען הינטערווייַלעכס, און האָבן צוגעדעקט די נאַקעטקייט פון זייער פאָטער, מיט זייערע פּנימער אַהינטער, און זיי האָבן ניט געזען די נאַקעטקייט פון זייער פאָטער. 24 און נח האָט זיך אויסגעניכטערט פון זיין וויין, און האָט געמערקט וואָס זיין יִינגערער זון האָט אים געטאָן. 25 און ער האָט געזאָגט:

פאַרשאָלטן זאָל זיין כּנַעַן,
אַ קנעכט פון קנעכט זאָל ער זיין ביי זיינע ברידער.

26 און ער האָט געזאָגט:

געלויבט איז יהוה דער גאָט פון שֵם;
און כּנַעַן זאָל זיין אַ קנעכט ביי זיי.
27 דערברייטערן זאָל גאָט יֶפֶתן[א],
און ער זאָל רוען אין די געצעלטן פון שֵם;
און כּנַעַן זאָל זיין אַ קנעכט ביי זיי.

28 און נח האָט געלעבט נאָכן מבול דריי הונדערט יאָר און פופציק יאָר. 29 און אַלע טעג פון נחן זיינען געווען ניין הונדערט יאָר און פופציק יאָר; און ער איז געשטאָרבן.

י 1 און דאָס זיינען די געבורטן פון נחס קינדער: שֵם, חָם, און יֶפֶת; און ביי זיי זיינען געבאָרן געוואָרן זין נאָכן מבול.

2 די זין פון יֶפֶתן זיינען געווען: גומֶר, און מָגוג, און מָדַי, און יָוָן, און תּובַל, און מֶשֶך, און תּירָס. 3 און די זין פון גומֶרן: אַשכּנַז, און ריפַת, און תּוגַרמָה. 4 און די זין פון יָוָנען: אֱלישָה, און תַּרשיש, כּתּים, און דודָנים. 5 פון דידאָזיקע האָבן זיך פאַנאַנדערגעשיידט די אינדזולען פון די פעלקער אין זייערע לענדער, איטלעכער לויט זיין לשון, לויט זייערע משפּחות, אין זייערע פעלקער.

6 און די זין פון חָמען זיינען געווען: כּוש, און מִצרַיִם, און פּוט, און כּנַעַן. 7 און די זין פון כּושן: סבאָ, און חֲוילָה, און סַבתָּה, און רַעְמָה, און סַבתּכאָ. און די זין פון רַעְמָהן: שבאָ און דדָן. 8 און כּוש האָט געבאָרן נִמרודן. ער איז געווען דער ערשטער מאַכטיקער אויף דער ערד. 9 ער איז געווען אַ מאַכטיקער יעגער פאַר גאָט; דרום ווערט געזאָגט: אַזוי ווי נִמרוד, אַ מאַכטיקער יעגער פאַר גאָט. 10 און דער אָנהייב פון זיין קיניגרייך איז געווען בָּבֶל, און אֶרֶך, און אַכַּד, און כַּלנֵה, אין לאַנד שִנעָר. 11 פון יענעם לאַנד איז ער אַרויסגעגאַנגען קיין אַשור, און האָט געבויט נינוֵה, און רחובות־עיר, און כָּלַח, 12 און רֶסֶן, צווישן נינוֵה און צווישן כָּלַח, דאָס איז די גרויסע שטאָט. 13 און מִצרַיִם האָט געבאָרן לודים, און

א ווארטשפּיל: יַפְתְּ–יֶפֶת.

יד וְאֶת־לְהָבִים וְאֶת־נַפְתֻּחִים׃ וְאֶת־פַּתְרֻסִים וְאֶת־כַּסְלֻחִים
טו אֲשֶׁר יָצְאוּ מִשָּׁם פְּלִשְׁתִּים וְאֶת־כַּפְתֹּרִים׃ ס וּכְנַעַן
טז יָלַד אֶת־צִידֹן בְּכֹרוֹ וְאֶת־חֵת׃ וְאֶת־הַיְבוּסִי וְאֶת־הָאֱמֹרִי
יז יח וְאֵת הַגִּרְגָּשִׁי׃ וְאֶת־הַחִוִּי וְאֶת־הַעַרְקִי וְאֶת־הַסִּינִי׃ וְאֶת־
הָאַרְוָדִי וְאֶת־הַצְּמָרִי וְאֶת־הַחֲמָתִי וְאַחַר נָפֹצוּ מִשְׁפְּחוֹת
יט הַכְּנַעֲנִי׃ וַיְהִי גְּבוּל הַכְּנַעֲנִי מִצִּידֹן בֹּאֲכָה גְרָרָה עַד־עַזָּה
כ בֹּאֲכָה סְדֹמָה וַעֲמֹרָה וְאַדְמָה וּצְבֹיִם עַד־לָשַׁע׃ אֵלֶּה
בְנֵי־חָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לִלְשֹׁנֹתָם בְּאַרְצֹתָם בְּגוֹיֵהֶם׃ ס
כא וּלְשֵׁם יֻלַּד גַּם־הוּא אֲבִי כָּל־בְּנֵי־עֵבֶר אֲחִי יֶפֶת הַגָּדוֹל׃
כב כג בְּנֵי שֵׁם עֵילָם וְאַשּׁוּר וְאַרְפַּכְשַׁד וְלוּד וַאֲרָם׃ וּבְנֵי אֲרָם
כד עוּץ וְחוּל וְגֶתֶר וָמַשׁ׃ וְאַרְפַּכְשַׁד יָלַד אֶת־שָׁלַח וְשֶׁלַח
כה יָלַד אֶת־עֵבֶר׃ וּלְעֵבֶר יֻלַּד שְׁנֵי בָנִים שֵׁם הָאֶחָד פֶּלֶג
כו כִּי בְיָמָיו נִפְלְגָה הָאָרֶץ וְשֵׁם אָחִיו יָקְטָן׃ וְיָקְטָן יָלַד אֶת־
כז אַלְמוֹדָד וְאֶת־שָׁלֶף וְאֶת־חֲצַרְמָוֶת וְאֶת־יָרַח׃ וְאֶת־הֲדוֹרָם
כח וְאֶת־אוּזָל וְאֶת־דִּקְלָה׃ וְאֶת־עוֹבָל וְאֶת־אֲבִימָאֵל וְאֶת־
כט שְׁבָא׃ וְאֶת־אוֹפִר וְאֶת־חֲוִילָה וְאֶת־יוֹבָב כָּל־אֵלֶּה בְּנֵי
ל יָקְטָן׃ וַיְהִי מוֹשָׁבָם מִמֵּשָׁא בֹּאֲכָה סְפָרָה הַר הַקֶּדֶם׃
לא אֵלֶּה בְנֵי־שֵׁם לְמִשְׁפְּחֹתָם לִלְשֹׁנֹתָם בְּאַרְצֹתָם לְגוֹיֵהֶם׃
לב אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי־נֹחַ לְתוֹלְדֹתָם בְּגוֹיֵהֶם וּמֵאֵלֶּה נִפְרְדוּ
הַגּוֹיִם בָּאָרֶץ אַחַר הַמַּבּוּל׃ פ

## יא

א שב׳ וַיְהִי כָל־הָאָרֶץ שָׂפָה אֶחָת וּדְבָרִים אֲחָדִים׃ וַיְהִי בְּנָסְעָם
ג מִקֶּדֶם וַיִּמְצְאוּ בִקְעָה בְּאֶרֶץ שִׁנְעָר וַיֵּשְׁבוּ שָׁם׃ וַיֹּאמְרוּ
אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ הָבָה נִלְבְּנָה לְבֵנִים וְנִשְׂרְפָה לִשְׂרֵפָה
וַתְּהִי לָהֶם הַלְּבֵנָה לְאָבֶן וְהַחֵמָר הָיָה לָהֶם לַחֹמֶר׃
ד וַיֹּאמְרוּ הָבָה ׀ נִבְנֶה־לָּנוּ עִיר וּמִגְדָּל וְרֹאשׁוֹ בַשָּׁמַיִם
ה וְנַעֲשֶׂה־לָּנוּ שֵׁם פֶּן־נָפוּץ עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ׃ וַיֵּרֶד יְהוָה

י, יז׳ וההיא בקמץ יט׳ וצבוים קרי כג׳ פתח בס״פ יא, ג׳ קמץ בז״ק

עַנָמים, און להָבים, און נַפתּוּחים, [14] און פַּתרוּסים, און כַּסלוּחים—פון וואַנען די פּלִשתּים זיינען אַרויסגעקומען— און כַּפתּורים.

[15] און כּנַעַן האָט געבאָרן צידון זיין בּכור, און חֵתן, [16] און דעם יבוּסי, און דעם אֶמוֹרי, און דעם גִרגָשי, [17] און דעם חִוי, און דעם עַרקי, און דעם סיני, [18] און דעם אַרוָדי, און דעם צמָרי, און דעם חַמָתי; און דערנאָך האָבן זיך צעשפּרייט די משפּחות פון דעם כּנַעֲני. [19] און דער געמאַרק פון דעם כּנַעֲני איז געווען פון צידון, ווי דו גייסט קיין גרָר, בּיז עַזָה; ווי דו גייסט קיין סדום, און עַמורָה, און אַדמָה, און צבוֹים, בּיז לֶשַע. [20] דאָס זיינען די קינדער פון חָם לויט זייערע משפּחות, לויט זייערע לשונות, אין זייערע לענדער, אין זייערע פעלקער.

[21] און בּיי שֵם, דעם פאָטער פון אַלע קינדער פון עֵבֶר, דעם עלטערן בּרודער פון יֶפֶתן, אויך בּיי אים זיינען געבאָרן געוואָרן קינדער. [22] די זין פון שֵמען זיינען געווען: עֵילָם, און אַשור, און אַרפַּכשַד, און לוד, און אַרָם. [23] און די זין פון אַרָמען: עוץ, און חול, און גֶתֶר, און מַש. [24] און אַרפַּכשַד האָט געבאָרן שֶלַחן, און שֶלַח האָט געבאָרן עֵבֶרן. [25] און בּיי עֵבֶרן זיינען געבאָרן געוואָרן צוויי זין; דער נאָמען פון איינעם איז געווען פֶּלֶג[א], ווייל אין זיינע טעג איז צעטיילט געוואָרן די ערד; און דער נאָמען פון זיין בּרודער איז געווען יָקטָן. [26] און יָקטָן האָט געבאָרן אַלמודָדן, און שֶלֶפן, און חַצַרמָוֶתן, און יֶרַחן, [27] און הֲדורָמען, און אוזָלן, און דִקלָהן, [28] און עובָלן, און אַבימָאֵלן, און שבאָן, [29] און אופירן, און חַוילָהן, און יובָבן. די אַלע זיינען געווען יָקטָנס זין. [30] און זייער וווינאָרט איז געווען פון מֵשאָ, ווי דו קומסט קיין ספָר, בּיזן בּאַרג פון מזרח. [31] דאָס זיינען די זין פון שֵמען לויט זייערע משפּחות, לויט זייערע לשונות, אין זייערע לענדער, לויט זייערע פעלקער.

[32] דאָס זיינען די משפּחות פון נֹחס זין לויט זייערע געבורטן, אין זייערע פעלקער; און פון די דאָזיקע האָבן זיך פאַנאַנדערגעשיידט די פעלקער אויף דער ערד נאָכן מבול.

**יא** [1] און די גאַנצע ערד איז געווען איין שפּראַך און איינע ווערטער. [2] און עס איז געווען, אַז זיי האָבן געצויגן אין מזרח, האָבן זיי געפונען אַ פלוין אין לאַנד שִנעָר, און האָבן זיך דאָרטן בּאַזעצט. [3] און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: קומט לאָמיר מאַכן ציגל און אויסבּרענען אין אַ בּרענעריי. און די ציגל איז זיי געווען פאַר שטיין, און ליים איז זיי געווען פאַר וואַפנע. [4] און זיי האָבן געזאָגט: קומט לאָמיר אונדז בּויען אַ שטאָט, און אַ טורעם מיט זיין שפּיץ אין הימל, און לאָמיר אונדז מאַכן אַ נאָמען, כּדי מיר זאָלן ניט צעשפּרייט ווערן איבערן געזיכט פון דער גאַנצער ערד. [5] האָט

א צעטיילונג.

לִרְאֹת אֶת־הָעִיר וְאֶת־הַמִּגְדָּל אֲשֶׁר בָּנוּ בְּנֵי הָאָדָם׃
ו וַיֹּאמֶר יְהוָה הֵן עַם אֶחָד וְשָׂפָה אַחַת לְכֻלָּם וְזֶה הַחִלָּם
לַעֲשׂוֹת וְעַתָּה לֹא־יִבָּצֵר מֵהֶם כֹּל אֲשֶׁר יָזְמוּ לַעֲשׂוֹת׃
ז הָבָה נֵרְדָה וְנָבְלָה שָׁם שְׂפָתָם אֲשֶׁר לֹא יִשְׁמְעוּ אִישׁ
ח שְׂפַת רֵעֵהוּ׃ וַיָּפֶץ יְהוָה אֹתָם מִשָּׁם עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ
ט וַיַּחְדְּלוּ לִבְנֹת הָעִיר׃ עַל־כֵּן קָרָא שְׁמָהּ בָּבֶל כִּי־שָׁם
בָּלַל יְהוָה שְׂפַת כָּל־הָאָרֶץ וּמִשָּׁם הֱפִיצָם יְהוָה עַל־פְּנֵי
כָּל־הָאָרֶץ׃ פ
י אֵלֶּה תּוֹלְדֹת שֵׁם שֵׁם בֶּן־מְאַת שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־אַרְפַּכְשָׁד
יא שְׁנָתַיִם אַחַר הַמַּבּוּל׃ וַיְחִי־שֵׁם אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־אַרְפַּכְשָׁד
יב חֲמֵשׁ מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וְאַרְפַּכְשַׁד
יג חַי חָמֵשׁ וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־שָׁלַח׃ וַיְחִי אַרְפַּכְשַׁד
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־שֶׁלַח שָׁלֹשׁ שָׁנִים וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה
יד וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וְשֶׁלַח חַי שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד
טו אֶת־עֵבֶר׃ וַיְחִי־שֶׁלַח אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־עֵבֶר שָׁלֹשׁ שָׁנִים
טז וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וַיְחִי־
יז עֵבֶר אַרְבַּע וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־פָּלֶג׃ וַיְחִי־עֵבֶר
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־פֶּלֶג שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה
יח וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וַיְחִי־פֶלֶג שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד
יט אֶת־רְעוּ׃ וַיְחִי־פֶלֶג אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־רְעוּ תֵּשַׁע שָׁנִים
כ וּמָאתַיִם שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וַיְחִי רְעוּ שְׁתַּיִם
כא וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־שְׂרוּג׃ וַיְחִי רְעוּ אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ
אֶת־שְׂרוּג שֶׁבַע שָׁנִים וּמָאתַיִם שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃
כב כג ס וַיְחִי שְׂרוּג שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־נָחוֹר׃ וַיְחִי שְׂרוּג
אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־נָחוֹר מָאתַיִם שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃
כד כה ס וַיְחִי נָחוֹר תֵּשַׁע וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וַיּוֹלֶד אֶת־תָּרַח׃ וַיְחִי
נָחוֹר אַחֲרֵי הוֹלִידוֹ אֶת־תֶּרַח תְּשַׁע־עֶשְׂרֵה שָׁנָה וּמְאַת

יא׳ קמץ בז״ק

גאָט אַראָפּגענידערט צו זען די שטאָט און דעם טורעם, וואָס די מענטשנקינדער האָבן געבויט. 6 און גאָט האָט געזאָגט: זע, זיי זײַנען איין פאָלק, און איין שפּראַך איז בײַ זיי אַלעמען, און דאָס איז ערשט אַן אָנהייב פון זייער טאָן, און אַצונד וועט פון זיי ניט פאַרמיטן ווערן אַלץ וואָס זיי טראַכטן צו טאָן. 7 קומט לאָמיר אַראָפּנידערן, און צע־מישן דאָרטן זייער שפּראַך, אַז זיי זאָלן ניט פאַרשטיין איינער דעם אַנדערנס שפּראַך. 8 און גאָט האָט זיי צע־שפּרייט פון דאָרטן אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד, און זיי האָבן אויפגעהערט בויען די שטאָט. 9 דרום האָט מען גערופן איר נאָמען בָּבֶל, ווײַל דאָרטן האָט גאָט צע־מישטא די שפּראַך פון דער גאַנצער ערד, און פון דאָרטן האָט זיי גאָט צעשפּרייט אויפן געזיכט פון דער גאַנצער ערד.

10 דאָס זײַנען די געבורטן פון שֵׁם: צו הונדערט יאָר האָט שֵׁם געבאָרן אַרפַּכשַדן, צוויי יאָר נאָכן מבול. 11 און שֵׁם האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן אַרפַּכשַדן, פינף הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

12 און אַרפַּכשַד האָט געלעבט פינף און דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן שֶׁלַחן. 13 און אַרפַּכשַד האָט גע־לעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן שֶׁלַחן, פיר הונדערט יאָר און דרײַ יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

14 און שֶׁלַח האָט געלעבט דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן עֵבֶרן. 15 און שֶׁלַח האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן עֵבֶרן, פיר הונדערט יאָר און דרײַ יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

16 און עֵבֶר האָט געלעבט פיר און דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן פֶּלֶגן. 17 און עֵבֶר האָט געלעבט נאָכ־דעם ווי ער האָט געבאָרן פֶּלֶגן, פיר הונדערט יאָר און דרײַסיק יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

18 און פֶּלֶג האָט געלעבט דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן רְעוּן. 19 און פֶּלֶג האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן רְעוּן, צוויי הונדערט יאָר און ניין יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

20 און רְעוּ האָט געלעבט צוויי און דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן שְׂרוּגן. 21 און רְעוּ האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן שְׂרוּגן, צוויי הונדערט יאָר און זיבן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

22 און שְׂרוּג האָט געלעבט דרײַסיק יאָר, און האָט געבאָרן נָחורן. 23 און שְׂרוּג האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן נָחורן, צוויי הונדערט יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

24 און נָחור האָט געלעבט ניין און צוואַנציק יאָר, און האָט געבאָרן תֶּרַחן. 25 און נָחור האָט געלעבט נאָכדעם ווי ער האָט געבאָרן תֶּרַחן, הונדערט יאָר און ניינצן יאָר; און ער האָט געבאָרן זין און טעכטער.

א בָּלַל.

שָׁנָה וַיּוֹלֶד בָּנִים וּבָנוֹת׃ ס וַיְחִי־תֶרַח שִׁבְעִים שָׁנָה
כו וַיּוֹלֶד אֶת־אַבְרָם אֶת־נָחוֹר וְאֶת־הָרָן׃ וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת תֶּרַח
כז תֶּרַח הוֹלִיד אֶת־אַבְרָם אֶת־נָחוֹר וְאֶת־הָרָן וְהָרָן הוֹלִיד
אֶת־לוֹט׃ וַיָּמָת הָרָן עַל־פְּנֵי תֶּרַח אָבִיו בְּאֶרֶץ מוֹלַדְתּוֹ
כח בְּאוּר כַּשְׂדִּים׃ וַיִּקַּח אַבְרָם וְנָחוֹר לָהֶם נָשִׁים שֵׁם אֵשֶׁת־
כט אַבְרָם שָׂרָי וְשֵׁם אֵשֶׁת־נָחוֹר מִלְכָּה בַּת־הָרָן אֲבִי־מִלְכָּה
וַאֲבִי יִסְכָּה׃ וַתְּהִי שָׂרַי עֲקָרָה אֵין לָהּ וָלָד׃ וַיִּקַּח תֶּרַח
ל לא אֶת־אַבְרָם בְּנוֹ וְאֶת־לוֹט בֶּן־הָרָן בֶּן־בְּנוֹ וְאֵת שָׂרַי כַּלָּתוֹ
אֵשֶׁת אַבְרָם בְּנוֹ וַיֵּצְאוּ אִתָּם מֵאוּר כַּשְׂדִּים לָלֶכֶת אַרְצָה
כְּנַעַן וַיָּבֹאוּ עַד־חָרָן וַיֵּשְׁבוּ שָׁם׃ וַיִּהְיוּ יְמֵי־תֶרַח חָמֵשׁ
לב שָׁנִים וּמָאתַיִם שָׁנָה וַיָּמָת תֶּרַח בְּחָרָן׃ פ

[26] און תֶּרַח האָט געלעבט זיבעציק יאָר, און האָט געבאָרן אַברמען, נָחורן, און הָרָנען.

[27] און דאָס זיינען די געבורטן פון תֶּרַחן: תֶּרַח האָט געבאָרן אַברמען, נָחורן, און הָרָנען; און הָרָן האָט געבאָרן לוטן. [28] און הָרָן איז געשטאָרבן ביים לעבן פון זיין פאָטער תֶּרַחן, אין לאַנד פון זיין געבורט, אין אור־כַּשדים. [29] און אַברם און נָחור האָבן זיך גענומען ווייבער; דער נאָמען פון אַברמס ווייב איז געווען שָׂרַי, און דער נאָמען פון נָחורס ווייב איז געווען מִלכָּה, די טאָכטער פון הָרָן, דעם פאָטער פון מִלכָּהן און דעם פאָטער פון יִסכָּהן. [30] און שָׂרַי איז געווען אַן עקרה, זי האָט ניט געהאַט קיין קינדער.

[31] און תֶּרַח האָט גענומען זיין זון אַברמען, און זיין אייניקל לוט, דער זון פון הָרָנען, און זיין שנור שָׂרַי, די ווייב פון זיין זון אַברמען, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט זיי פון אור־כַּשדים, צו גיין קיין לאַנד כּנַעַן. און זיי זיינען געקומען ביז חָרָן, און האָבן זיך דאָרטן באַזעצט.

[32] און די טעג פון תֶּרַחן זיינען געווען צוויי הונדערט יאָר און פינף יאָר. און תֶּרַח איז געשטאָרבן אין חָרָן.

# לֶךְ־לְךָ

יב

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־אַבְרָם לֶךְ־לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית
ב אָבִיךָ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ׃ וְאֶעֶשְׂךָ לְגוֹי גָּדוֹל וַאֲבָרֶכְךָ
ג וַאֲגַדְּלָה שְׁמֶךָ וֶהְיֵה בְּרָכָה׃ וַאֲבָרְכָה מְבָרְכֶיךָ וּמְקַלֶּלְךָ
ד אָאֹר וְנִבְרְכוּ בְךָ כֹּל מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה׃ וַיֵּלֶךְ אַבְרָם כַּאֲשֶׁר
דִּבֶּר אֵלָיו יְהוָה וַיֵּלֶךְ אִתּוֹ לוֹט וְאַבְרָם בֶּן־חָמֵשׁ שָׁנִים
ה וְשִׁבְעִים שָׁנָה בְּצֵאתוֹ מֵחָרָן׃ וַיִּקַּח אַבְרָם אֶת־שָׂרַי אִשְׁתּוֹ
וְאֶת־לוֹט בֶּן־אָחִיו וְאֶת־כָּל־רְכוּשָׁם אֲשֶׁר רָכָשׁוּ וְאֶת־
הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־עָשׂוּ בְחָרָן וַיֵּצְאוּ לָלֶכֶת אַרְצָה כְּנַעַן וַיָּבֹאוּ
ו אַרְצָה כְּנָעַן׃ וַיַּעֲבֹר אַבְרָם בָּאָרֶץ עַד מְקוֹם שְׁכֶם עַד
ז אֵלוֹן מוֹרֶה וְהַכְּנַעֲנִי אָז בָּאָרֶץ׃ וַיֵּרָא יְהוָה אֶל־אַבְרָם
וַיֹּאמֶר לְזַרְעֲךָ אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת וַיִּבֶן שָׁם מִזְבֵּחַ לַיהוָה
ח הַנִּרְאֶה אֵלָיו׃ וַיַּעְתֵּק מִשָּׁם הָהָרָה מִקֶּדֶם לְבֵית־אֵל וַיֵּט
אָהֳלֹה בֵּית־אֵל מִיָּם וְהָעַי מִקֶּדֶם וַיִּבֶן־שָׁם מִזְבֵּחַ לַיהוָה
ט וַיִּקְרָא בְּשֵׁם יְהוָה׃ וַיִּסַּע אַבְרָם הָלוֹךְ וְנָסוֹעַ הַנֶּגְבָּה׃ פ

יא, כט׳ קמץ בז״ק לב׳ נון נזורה יב, ה׳ קמץ בז״ק

יב [1] און גאָט האָט געזאָגט צו אַברמען: גיי דיר אַוועק פון דיין לאַנד, און פון דיין אָפּשטאַם, און פון דיין פאָטערס הויז, צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר ווייזן. [2] און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק, און איך וועל דיך בענטשן, און גרייסן דיין נאָמען, און וועסט זיין אַ בענטשונג. [3] און איך וועל בענטשן די וואָס בענטשן דיך, און דעם וואָס פלוכט דיך וועל איך פאַרשילטן; און מיט דיר וועלן זיך בענטשן אַלע משפחות פון דער ערד.

[4] און אַברם איז געגאַנגען אַזוי ווי גאָט האָט צו אים גערעדט; און לוט איז מיטגעגאַנגען מיט אים. און אַברם איז געווען אַ מאַן פון פינף און זיבעציק יאָר ביי זיין אַרויס־גיין פון חָרָן. [5] און אַברם האָט גענומען זיין ווייב שָׂרַין, און זיין ברודערס זון לוטן, און זייער גאַנצן פאַרמעג וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן, און די נפשות וואָס זיי האָבן זיך אָנגע־שאַפט אין חָרָן, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צו גיין קיין לאַנד כּנַעַן; און זיי זיינען געקומען קיין לאַנד כּנַעַן. [6] און אַברם איז דורכגעגאַנגען דורכן לאַנד ביז דעם אָרט פון שְׁכֶם, ביז דעם אייכנבוים מוֹרֶה. און דער כּנַעֲני איז דענסמאָל געווען אין לאַנד.

[7] און יהוה האָט זיך באַוויזן צו אַברמען, און האָט געזאָגט: צו דיין זאָמען וועל איך געבן דאָסדאָזיקע לאַנד. און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו יהוה וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים.

[8] און ער האָט זיך איבערגעטראָגן פון דאָרטן צום באַרג, אין מזרח פון בית־אֵל; און ער האָט אויפגעשטעלט זיין געצעלט מיט בית־אֵל פון מערב, און עַי פון מזרח; און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו יהוה, און האָט גערופן צו דעם נאָמען יהוה.

[9] און אַברם האָט געצויגן, ציענדיק אַלץ ווייטער צו דָרום.

10 איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד, און אַברם האָט
גענידערט קיין מִצרַיִם, זיך דאָרטן אויפצוהאַלטן, וואָרום
דער הונגער איז געווען שווער אין לאַנד. 11 און עס איז
געווען, ווי ער איז געקומען נאָנט צו מִצרַיִם, אַזוי האָט ער
געזאָגט צו זיין ווייב שָׂרַין: זע, איך בעט דיך, איך ווייס
אַז דו ביסט אַ פרוי פון אַ שיינעם אויסזען. 12 איז, ווי די
מִצרים וועלן דיך זען, אַזוי וועלן זיי זאָגן: דאָס איז זיין
ווייב; און זיי וועלן מיך הרגען, און דיך וועלן זיי לאָזן
לעבן. 13 זאָג, איך בעט דיך, דו ביסט מיינע אַ שוועסטער,
כּדי מיר זאָל גוט זיין פון דיינעטוועגן, און מיין נפש זאָל
בלייבן לעבן צוליב דיר.

14 און עס איז געווען, ווי אַברם איז געקומען קיין
מִצרַיִם, אַזוי האָבן די מִצרים געזען די פרוי, אַז זי איז
זייער שיין. 15 און די האַרן פון פּרעהן האָבן זי געזען,
און האָבן זי פאַרלויבט פאַר פּרעהן, און די פרוי איז צו־
גענומען געוואָרן אין פּרעהס הויז. 16 און אַברמען האָט
ער באַגיטיקט פון אירעטוועגן; און ער האָט געקריגן שאָף,
און רינדער, און אייזלען, און קנעכט, און דינסטן, און
אייזעלינס, און קעמלען.

17 האָט גאָט געפּלאָגט פּרעהן און זיין הויזגעזינט
מיט גרויסע פּלאָגן פון וועגן שָׂרַי, אַברמס ווייב. 18 און
פּרעה האָט גערופן אַברמען, און האָט צו אים געזאָגט:
וואָס האָסטו דאָ געטאָן צו מיר? פאַרוואָס האָסטו מיר ניט
געזאָגט אַז זי איז דיין ווייב? 19 אַלמאַי האָסטו געזאָגט:
„זי איז מיינע אַ שוועסטער", און איך האָב זי גענומען פאַר
אַ ווייב? און אַצונד, אָט איז דיין ווייב, נעם און גיי.

20 און פּרעה האָט באַפוילן וועגן אים מענטשן, און זיי האָבן אַרויסבאַלייט אים, און זיין ווייב, און אַלץ
וואָס ער האָט געהאַט.

י וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ וַיֵּרֶד אַבְרָם מִצְרַיְמָה לָגוּר שָׁם כִּי־כָבֵד
יא הָרָעָב בָּאָרֶץ: וַיְהִי כַּאֲשֶׁר הִקְרִיב לָבוֹא מִצְרָיְמָה וַיֹּאמֶר
אֶל־שָׂרַי אִשְׁתּוֹ הִנֵּה־נָא יָדַעְתִּי כִּי אִשָּׁה יְפַת־מַרְאֶה אָתְּ:
יב וְהָיָה כִּי־יִרְאוּ אֹתָךְ הַמִּצְרִים וְאָמְרוּ אִשְׁתּוֹ זֹאת וְהָרְגוּ
יג אֹתִי וְאֹתָךְ יְחַיּוּ: אִמְרִי־נָא אֲחֹתִי אָתְּ לְמַעַן יִיטַב־לִי
שני בַעֲבוּרֵךְ וְחָיְתָה נַפְשִׁי בִּגְלָלֵךְ: וַיְהִי כְּבוֹא אַבְרָם מִצְרָיְמָה
טו וַיִּרְאוּ הַמִּצְרִים אֶת־הָאִשָּׁה כִּי־יָפָה הִוא מְאֹד: וַיִּרְאוּ
אֹתָהּ שָׂרֵי פַרְעֹה וַיְהַלְלוּ אֹתָהּ אֶל־פַּרְעֹה וַתֻּקַּח הָאִשָּׁה
טז בֵּית פַּרְעֹה: וּלְאַבְרָם הֵיטִיב בַּעֲבוּרָהּ וַיְהִי־לוֹ צֹאן־וּבָקָר
יז וַחֲמֹרִים וַעֲבָדִים וּשְׁפָחֹת וַאֲתֹנֹת וּגְמַלִּים: וַיְנַגַּע יְהוָה ׀
אֶת־פַּרְעֹה נְגָעִים גְּדֹלִים וְאֶת־בֵּיתוֹ עַל־דְּבַר שָׂרַי אֵשֶׁת
יח אַבְרָם: וַיִּקְרָא פַרְעֹה לְאַבְרָם וַיֹּאמֶר מַה־זֹּאת עָשִׂיתָ לִּי
יט לָמָּה לֹא־הִגַּדְתָּ לִּי כִּי אִשְׁתְּךָ הִוא: לָמָה אָמַרְתָּ אֲחֹתִי
הִוא וָאֶקַּח אֹתָהּ לִי לְאִשָּׁה וְעַתָּה הִנֵּה אִשְׁתְּךָ קַח וָלֵךְ:
כ וַיְצַו עָלָיו פַּרְעֹה אֲנָשִׁים וַיְשַׁלְּחוּ אֹתוֹ וְאֶת־אִשְׁתּוֹ וְאֶת־
כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ:

יג

א וַיַּעַל אַבְרָם מִמִּצְרַיִם הוּא וְאִשְׁתּוֹ וְכָל־אֲשֶׁר־לוֹ וְלוֹט עִמּוֹ
ב ג הַנֶּגְבָּה: וְאַבְרָם כָּבֵד מְאֹד בַּמִּקְנֶה בַּכֶּסֶף וּבַזָּהָב: וַיֵּלֶךְ
לְמַסָּעָיו מִנֶּגֶב וְעַד־בֵּית־אֵל עַד־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־הָיָה שָׁם
ד אָהֳלֹה בַּתְּחִלָּה בֵּין בֵּית־אֵל וּבֵין הָעָי: אֶל־מְקוֹם הַמִּזְבֵּחַ
אֲשֶׁר־עָשָׂה שָׁם בָּרִאשֹׁנָה וַיִּקְרָא שָׁם אַבְרָם בְּשֵׁם יְהוָה:
של׳ וְגַם־לְלוֹט הַהֹלֵךְ אֶת־אַבְרָם הָיָה צֹאן־וּבָקָר וְאֹהָלִים:
ו וְלֹא־נָשָׂא אֹתָם הָאָרֶץ לָשֶׁבֶת יַחְדָּו כִּי־הָיָה רְכוּשָׁם רָב
ז וְלֹא יָכְלוּ לָשֶׁבֶת יַחְדָּו: וַיְהִי־רִיב בֵּין רֹעֵי מִקְנֵה־אַבְרָם
וּבֵין רֹעֵי מִקְנֵה־לוֹט וְהַכְּנַעֲנִי וְהַפְּרִזִּי אָז יֹשֵׁב בָּאָרֶץ:
ח וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֶל־לוֹט אַל־נָא תְהִי מְרִיבָה בֵּינִי וּבֵינֶךָ וּבֵין
ט רֹעַי וּבֵין רֹעֶיךָ כִּי־אֲנָשִׁים אַחִים אֲנָחְנוּ: הֲלֹא כָל־הָאָרֶץ

יג 1 און אַברם איז אַרויפגעגאַנגען פון מִצרַיִם, ער און זיין ווייב, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, און לוט מיט אים,
קיין דָרום. 2 און אַברם איז געווען זייער רייך אין פי, אין זילבער, און אין גאָלד. 3 און ער איז געגאַנגען
אויף זיינע ציאונגען, פון דָרום און ביז בֵּית־אֵל, ביז דעם אָרט וואָס זיין געצעלט איז דאָרטן געווען אין אָנהייב, צווישן
בֵּית־אֵל און צווישן עַי, 4 צו דעם אָרט פון דעם מזבח וואָס ער האָט דאָרטן געמאַכט צוערשט; און וואָס אַברם האָט
דאָרטן גערופן צו דעם נאָמען יהוה.

5 און אויך ביי לוטן, וואָס איז געגאַנגען מיט אַברמען, זיינען געווען שאָף און רינדער און געצעלטן. 6 און
דאָס לאַנד האָט זיי ניט געקענט טראָגן, צו וווינען באַנאַנד; ווייל זייער פאַרמעג איז געווען גרויס, און זיי האָבן
ניט געקענט וווינען באַנאַנד. 7 און עס איז געווען אַ קריגעריי צווישן די פּאַסטוכער פון אַברמס פי און צווישן
די פּאַסטוכער פון לוטס פי. און דער כּנַעֲני און דער פּרִזי זיינען דענסמאָל געזעסן אין לאַנד. 8 האָט אַברם
געזאָגט צו לוטן: זאָל, איך בעט דיך, ניט זיין קיין קריג צווישן מיר און צווישן דיר, און צווישן מיינע פּאַסטוכער
און צווישן דיינע פּאַסטוכער; וואָרום מיר זיינען אייגענע מענטשן. 9 דאָס גאַנצע לאַנד ליגט דאָך פאַר דיר;

לְפָנֶיךָ הִפָּרֶד נָא מֵעָלָי אִם־הַשְּׂמֹאל וְאֵימִנָה וְאִם־הַיָּמִין
וְאַשְׂמְאִילָה׃ וַיִּשָּׂא־לוֹט אֶת־עֵינָיו וַיַּרְא אֶת־כָּל־כִּכַּר הַיַּרְדֵּן י
כִּי כֻלָּהּ מַשְׁקֶה לִפְנֵי ׀ שַׁחֵת יְהוָה אֶת־סְדֹם וְאֶת־עֲמֹרָה
כְּגַן־יְהוָה כְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בֹּאֲכָה צֹעַר׃ וַיִּבְחַר־לוֹ לוֹט אֵת יא
כָּל־כִּכַּר הַיַּרְדֵּן וַיִּסַּע לוֹט מִקֶּדֶם וַיִּפָּרְדוּ אִישׁ מֵעַל אָחִיו׃
אַבְרָם יָשַׁב בְּאֶרֶץ־כְּנָעַן וְלוֹט יָשַׁב בְּעָרֵי הַכִּכָּר וַיֶּאֱהַל יב
עַד־סְדֹם׃ וְאַנְשֵׁי סְדֹם רָעִים וְחַטָּאִים לַיהוָה מְאֹד׃ וַיהוָה יג יד
אָמַר אֶל־אַבְרָם אַחֲרֵי הִפָּרֶד־לוֹט מֵעִמּוֹ שָׂא נָא עֵינֶיךָ
וּרְאֵה מִן־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־אַתָּה שָׁם צָפֹנָה וָנֶגְבָּה וָקֵדְמָה
וָיָמָּה׃ כִּי אֶת־כָּל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־אַתָּה רֹאֶה לְךָ אֶתְּנֶנָּה טו
וּלְזַרְעֲךָ עַד־עוֹלָם׃ וְשַׂמְתִּי אֶת־זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ אֲשֶׁר ׀ טז
אִם־יוּכַל אִישׁ לִמְנוֹת אֶת־עֲפַר הָאָרֶץ גַּם זַרְעֲךָ יִמָּנֶה׃
קוּם הִתְהַלֵּךְ בָּאָרֶץ לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ כִּי לְךָ אֶתְּנֶנָּה׃ יז
וַיֶּאֱהַל אַבְרָם וַיָּבֹא וַיֵּשֶׁב בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא אֲשֶׁר בְּחֶבְרוֹן יח
וַיִּבֶן־שָׁם מִזְבֵּחַ לַיהוָה׃ פ

יד

וַיְהִי בִּימֵי אַמְרָפֶל מֶלֶךְ־שִׁנְעָר אַרְיוֹךְ מֶלֶךְ אֶלָּסָר רב'
כְּדָרְלָעֹמֶר מֶלֶךְ עֵילָם וְתִדְעָל מֶלֶךְ גּוֹיִם׃ עָשׂוּ מִלְחָמָה ב
אֶת־בֶּרַע מֶלֶךְ סְדֹם וְאֶת־בִּרְשַׁע מֶלֶךְ עֲמֹרָה שִׁנְאָב ׀ מֶלֶךְ
אַדְמָה וְשֶׁמְאֵבֶר מֶלֶךְ צְבֹיִּים וּמֶלֶךְ בֶּלַע הִיא־צֹעַר׃ כָּל־ ג
אֵלֶּה חָבְרוּ אֶל־עֵמֶק הַשִּׂדִּים הוּא יָם הַמֶּלַח׃ שְׁתֵּים ד
עֶשְׂרֵה שָׁנָה עָבְדוּ אֶת־כְּדָרְלָעֹמֶר וּשְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה
מָרָדוּ׃ וּבְאַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה בָּא כְדָרְלָעֹמֶר וְהַמְּלָכִים ה
אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיַּכּוּ אֶת־רְפָאִים בְּעַשְׁתְּרֹת קַרְנַיִם וְאֶת־הַזּוּזִים
בְּהָם וְאֵת הָאֵימִים בְּשָׁוֵה קִרְיָתָיִם׃ וְאֶת־הַחֹרִי בְּהַרְרָם ו
שֵׂעִיר עַד אֵיל פָּארָן אֲשֶׁר עַל־הַמִּדְבָּר׃ וַיָּשֻׁבוּ וַיָּבֹאוּ ז
אֶל־עֵין מִשְׁפָּט הִוא קָדֵשׁ וַיַּכּוּ אֶת־כָּל־שְׂדֵה הָעֲמָלֵקִי וְגַם

---

י, יח' בחבור יד, ב' צבוים ק

שייד זיך אָפּ פון מיר, איך בעט דיך, ענטוועדער אויף לינקס, און איך וועל זיך נעמען רעכטס, אָדער אויף רעכטס, און איך וועל זיך נעמען לינקס.

[10] האָט לוט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט געזען די גאַנצע געגנט פון יַרדן, אַז זי איז אין גאַנצן באַוועסערט– דאָס איז געווען איידער גאָט האָט צעשטערט סדום און עמוֹרָה–אַזוי ווי דער גאָרטן פון גאָט, אַזוי ווי דאָס לאַנד מִצרַיִם, ביז דו קומסט קיין צוֹעַר. [11] און לוט האָט אויסגעקליבן פאַר זיך די גאַנצע געגנט פון יַרדן; און לוט האָט אַוועקגעצויגן קיין מזרח, און זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט איינער פון אַנדערן. [12] אַברם האָט זיך באַזעצט אין לאַנד כּנַעַן, און לוט האָט זיך באַזעצט אין די שטעט פון דער [יַרדן] געגנט; און ער האָט געהאַט געצעלטן ביז סדום.

[13] און די מענטשן פון סדום זיינען געווען זייער שלעכט און זינדיק צו גאָט.

[14] און גאָט האָט געזאָגט צו אַברמען, נאָכדעם ווי לוט האָט זיך אָפּגעשיידט פון אים: הייב אַקאָרשט אויף דיינע אויגן, און קוק פון דעם אָרט ווו דו ביסט, קיין צפון און קיין דָרום און קיין מזרח און קיין מערב; [15] וואָרום דאָס גאַנצע לאַנד וואָס דו זעסט, וועל איך געבן צו דיר און צו דיין זאָמען אויף אייביק. [16] און איך וועל מאַכן דיין זאָמען אַזוי ווי שטויב פון דער ערד, אַז אויב עמיצער וועט קענען ציילן דעם שטויב פון דער ערד, וועט אויך דיין זאָמען געציילט ווערן. [17] שטיי אויף, גיי דורכן לאַנד פאַר לענג און פאַר ברייט, וואָרום צו דיר וועל איך עס געבן.

[18] און אַברם האָט איבערגעטראָגן זיין געצעלט, און ער איז געקומען און האָט זיך באַזעצט ביי די אייכנביימער פון מַמרֵא, וואָס אין חֶברון; און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו יהוה.

יד [1] און עס איז געווען אין די טעג פון אַמרָפֶל דעם מלך פון שִׁנעָר, אַריוֹך דעם מלך פון אֶלָסָר, כּדָרלעוֹמֶר דעם מלך פון עֵילָם, און תִּדעָל דעם מלך פון גוֹיִם, [2] האָבן זיי געמאַכט אַ מלחמה מיט בֶּרַע דעם מלך פון סדום, און מיט בִּרשַע דעם מלך פון עֲמוֹרָה, שִׁנאָב דעם מלך פון אַדמָה, און שֶׁמאֵבֶר דעם מלך פון צבוֹיִם, און דעם מלך פון בֶּלַע, דאָס איז צוֹעַר. [3] די אַלע האָבן זיך צונויפגעחברט אין טאָל שִׂדים, דאָס איז דער יַם־הַמֶלַח. [4] צוועלף יאָר האָבן זיי געדינט כּדָרלעוֹמֶרן, און אויפן דרייצנטן יאָר האָבן זיי ווידערשפּעניקט. [5] און אויפן פערצנטן יאָר איז געקומען כּדָרלעוֹמֶר און די מלכים וואָס מיט אים, און זיי האָבן געשלאָגן די רפָאים אין עַשתרוֹת־קַרנַיִם, און די זוּזים אין הָם, און די אֵימים אין שָׁוֵה־קִריָתַיִם, [6] און די חוֹרים אויף זייער באַרג שֵׂעִיר, ביז אֵיל־פּאָרָן וואָס ביים מדבר. [7] און זיי האָבן זיך אומגעקערט, און זיינען געקומען קיין עֵין־מִשפָּט, דאָס איז קָדֵש, און האָבן געשלאָגן דאָס גאַנצע פעלד פון עַמָלֵק, און אויך

ח אֶת־הָאֱמֹרִי הַיֹּשֵׁב בְּחַצְצֹן תָּמָר׃ וַיֵּצֵא מֶלֶךְ־סְדֹם וּמֶלֶךְ
עֲמֹרָה וּמֶלֶךְ אַדְמָה וּמֶלֶךְ צְבֹיִּים וּמֶלֶךְ בֶּלַע הִוא־צֹעַר
ט וַיַּעַרְכוּ אִתָּם מִלְחָמָה בְּעֵמֶק הַשִּׂדִּים׃ אֵת כְּדָרְלָעֹמֶר
מֶלֶךְ עֵילָם וְתִדְעָל מֶלֶךְ גּוֹיִם וְאַמְרָפֶל מֶלֶךְ שִׁנְעָר וְאַרְיוֹךְ
י מֶלֶךְ אֶלָּסָר אַרְבָּעָה מְלָכִים אֶת־הַחֲמִשָּׁה׃ וְעֵמֶק הַשִּׂדִּים
בֶּאֱרֹת בֶּאֱרֹת חֵמָר וַיָּנֻסוּ מֶלֶךְ־סְדֹם וַעֲמֹרָה וַיִּפְּלוּ־שָׁמָּה
יא וְהַנִּשְׁאָרִים הֶרָה נָּסוּ׃ וַיִּקְחוּ אֶת־כָּל־רְכֻשׁ סְדֹם וַעֲמֹרָה
יב וְאֶת־כָּל־אָכְלָם וַיֵּלֵכוּ׃ וַיִּקְחוּ אֶת־לוֹט וְאֶת־רְכֻשׁוֹ בֶּן־אֲחִי
יג אַבְרָם וַיֵּלֵכוּ וְהוּא יֹשֵׁב בִּסְדֹם׃ וַיָּבֹא הַפָּלִיט וַיַּגֵּד
לְאַבְרָם הָעִבְרִי וְהוּא שֹׁכֵן בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא הָאֱמֹרִי אֲחִי
יד אֶשְׁכֹּל וַאֲחִי עָנֵר וְהֵם בַּעֲלֵי בְרִית־אַבְרָם׃ וַיִּשְׁמַע אַבְרָם
כִּי נִשְׁבָּה אָחִיו וַיָּרֶק אֶת־חֲנִיכָיו יְלִידֵי בֵיתוֹ שְׁמֹנָה עָשָׂר
טו וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת וַיִּרְדֹּף עַד־דָּן׃ וַיֵּחָלֵק עֲלֵיהֶם ׀ לַיְלָה הוּא
וַעֲבָדָיו וַיַּכֵּם וַיִּרְדְּפֵם עַד־חוֹבָה אֲשֶׁר מִשְּׂמֹאל לְדַמָּשֶׂק׃
טז וַיָּשֶׁב אֵת כָּל־הָרְכֻשׁ וְגַם אֶת־לוֹט אָחִיו וּרְכֻשׁוֹ הֵשִׁיב
יז וְגַם אֶת־הַנָּשִׁים וְאֶת־הָעָם׃ וַיֵּצֵא מֶלֶךְ־סְדֹם לִקְרָאתוֹ
אַחֲרֵי שׁוּבוֹ מֵהַכּוֹת אֶת־כְּדָרְלָעֹמֶר וְאֶת־הַמְּלָכִים אֲשֶׁר
יח אִתּוֹ אֶל־עֵמֶק שָׁוֵה הוּא עֵמֶק הַמֶּלֶךְ׃ וּמַלְכִּי־צֶדֶק מֶלֶךְ
יט שָׁלֵם הוֹצִיא לֶחֶם וָיָיִן וְהוּא כֹהֵן לְאֵל עֶלְיוֹן׃ וַיְבָרְכֵהוּ
כ וַיֹּאמַר בָּרוּךְ אַבְרָם לְאֵל עֶלְיוֹן קֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃ וּבָרוּךְ
אֵל עֶלְיוֹן אֲשֶׁר־מִגֵּן צָרֶיךָ בְּיָדֶךָ וַיִּתֶּן־לוֹ מַעֲשֵׂר מִכֹּל׃
חמ' וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־סְדֹם אֶל־אַבְרָם תֶּן־לִי הַנֶּפֶשׁ וְהָרְכֻשׁ קַח־לָךְ׃
כב וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֶל־מֶלֶךְ סְדֹם הֲרִמֹתִי יָדִי אֶל־יְהוָה אֵל
כג עֶלְיוֹן קֹנֵה שָׁמַיִם וָאָרֶץ׃ אִם־מִחוּט וְעַד שְׂרוֹךְ־נַעַל וְאִם־
אֶקַּח מִכָּל־אֲשֶׁר־לָךְ וְלֹא תֹאמַר אֲנִי הֶעֱשַׁרְתִּי אֶת־אַבְרָם׃
כד בִּלְעָדַי רַק אֲשֶׁר אָכְלוּ הַנְּעָרִים וְחֵלֶק הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר הָלְכוּ
אִתִּי עָנֵר אֶשְׁכֹּל וּמַמְרֵא הֵם יִקְחוּ חֶלְקָם׃ ס

ח' צבוים ק'

דעם אֱמורי וואָס איז געזעסן אין חַצְצוֹן־תָּמָר. [8] איז אַרויסגעגאַנגען דער מלך פון סדום, און דער מלך פון עַמוֹרָה, און דער מלך פון אַדמָה, און דער מלך פון צבוֹיִם, און דער מלך פון בֶּלַע, דאָס איז צוֹעַר, און זיי האָבן אָנגעריכט אַ מלחמה מיט זיי אין טאָל שִׂדים— [9] מיט כּדָרלעוֹמֶר דעם מלך פון עֵילָם, און תִּדעָל דעם מלך פון גוֹיִם, און אַמרָפֶל דעם מלך פון שִׁנעָר, און אַריוֹך דעם מלך פון אֶלָסָר; די פיר מלכים אַקעגן די פינף. [10] און דער טאָל שִׂדים איז געווען גריבער אויף גריבער מיט ליים, און ווי די מלכים פון סדום און עַמוֹרָה זיינען אַנטלאָפן, אַזוי זיינען זיי אַהין אַריינגעפאַלן; און די איבערגעבליבענע זיינען אַנטלאָפן צום באַרג. [11] און יענע האָבן צוגענומען דעם גאַנצן פאַרמעג פון סדום און עַמוֹרָה, און דאָס גאַנצע עסנוואַרג זייערס, און זיינען אַוועקגעגאַנגען. [12] און זיי האָבן צוגענומען לוט, דעם זון פון אַבֿרמס ברודער, וואָס איז געזעסן אין סדום, און זיין פאַרמעג, און זיינען אַוועקגעגאַנגען. [13] איז געקומען אַן אַנטרונענער, און האָט אָנגעזאָגט אַבֿרם דעם עִבֿרי; און ער האָט געוווינט ביי די אייכנביימער פון מַמרֵא דעם אֱמורי, דעם ברודער פון אֶשכּולן, און דעם ברודער פון עָנֵרן; און זיי זיינען געווען בונדסלייט פון אַבֿרמען. [14] און ווי אַבֿרם האָט געהערט אַז זיין אייגענער איז געפאַנגען געוואָרן, אַזוי האָט ער אַרויסגעפירט זיינע איינגעלערנטע, געבאָרענע אין זיין הויז, דריי הונדערט און אַכצן, און ער האָט נאָכגעיאָגט ביז דָן. [15] און ער האָט זיך צעטיילט אַקעגן זיי ביי נאַכט, ער און זיינע קנעכט, און ער האָט זיי געשלאָגן און זיי נאָכגעיאָגט ביז חוֹבָה וואָס לינקס פון דַמֶשֶׂק. [16] און ער האָט צוריקגעבראַכט דעם גאַנצן פאַרמעג, און אויך לוט זיין אייגענעם און זיין פאַרמעג האָט ער צוריקגעבראַכט, און אויך די ווייבער, און דאָס פאָלק.

[17] איז דער מלך פון סדום אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון שלאָגן כּדָרלעוֹמֶרן, און די מלכים וואָס מיט אים, אין טאָל שָׁוֵה, דאָס איז דעם מלכס טאָל. [18] און מַלכּי־צֶדֶק דער מלך פון שָׁלֵם האָט אַרויסגעטראָגן ברויט און ווייַן; און ער איז געווען אַ כּהן צו דעם העכסטן גאָט. [19] און ער האָט אים געבענטשט, און האָט געזאָגט: געבענטשט זאָל זיין אַבֿרם פון דעם העכסטן גאָט, דעם באַשעפער פון הימל און ערד. [20] און געבענטשט זאָל זיין דער העכסטער גאָט וואָס האָט איבערגעענטפערט דיינע פיינט אין דיין האַנט.—און ער האָט אים געגעבן מעשׂר פון אַלצדינג.

[21] און דער מלך פון סדום האָט געזאָגט צו אַבֿרמען: גיב מיר די נפשות, און דעם פאַרמעג נעם דיר. [22] האָט אַבֿרם געזאָגט צו דעם מלך פון סדום: איך הייב אויף מיין האַנט צו יהוה דעם העכסטן גאָט, דעם באַשעפער פון הימל און ערד, [23] אויב אַ פאָדים אָדער אַ שוכבענדל! אָדער אויב איך וועל נעמען פון עפּעס וואָס איז דיינס! כּדי זאָלסט ניט זאָגן: איך האָב רייך געמאַכט אַבֿרמען. [24] ניט מיר! נאָר וואָס די יונגען האָבן געגעסן, און דעם חלק פון די מענטשן וואָס זיינען געגאַנגען מיט מיר, עָנֵר, אֶשכּול, און מַמרֵא; זיי מעגן נעמען זייער חלק.

טו

א אַחַר ׀ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הָיָה דְבַר־יְהוָה אֶל־אַבְרָם בַּמַּחֲזֶה
לֵאמֹר אַל־תִּירָא אַבְרָם אָנֹכִי מָגֵן לָךְ שְׂכָרְךָ הַרְבֵּה
ב מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֲדֹנָי יֱהוִה מַה־תִּתֶּן־לִי וְאָנֹכִי
ג הוֹלֵךְ עֲרִירִי וּבֶן־מֶשֶׁק בֵּיתִי הוּא דַּמֶּשֶׂק אֱלִיעֶזֶר׃ וַיֹּאמֶר
אַבְרָם הֵן לִי לֹא נָתַתָּה זָרַע וְהִנֵּה בֶן־בֵּיתִי יוֹרֵשׁ אֹתִי׃
ד וְהִנֵּה דְבַר־יְהוָה אֵלָיו לֵאמֹר לֹא יִירָשְׁךָ זֶה כִּי־אִם אֲשֶׁר
ה יֵצֵא מִמֵּעֶיךָ הוּא יִירָשֶׁךָ׃ וַיּוֹצֵא אֹתוֹ הַחוּצָה וַיֹּאמֶר
הַבֶּט־נָא הַשָּׁמַיְמָה וּסְפֹר הַכּוֹכָבִים אִם־תּוּכַל לִסְפֹּר
ו אֹתָם וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה יִהְיֶה זַרְעֶךָ׃ וְהֶאֱמִן בַּיהוָה וַיַּחְשְׁבֶהָ
ששי לּוֹ צְדָקָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי יְהוָה אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאוּר
ח כַּשְׂדִּים לָתֶת לְךָ אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת לְרִשְׁתָּהּ׃ וַיֹּאמַר
ט אֲדֹנָי יֱהוִה בַּמָּה אֵדַע כִּי אִירָשֶׁנָּה׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו קְחָה
לִי עֶגְלָה מְשֻׁלֶּשֶׁת וְעֵז מְשֻׁלֶּשֶׁת וְאַיִל מְשֻׁלָּשׁ וְתֹר וְגוֹזָל׃
י וַיִּקַּח־לוֹ אֶת־כָּל־אֵלֶּה וַיְבַתֵּר אֹתָם בַּתָּוֶךְ וַיִּתֵּן אִישׁ־בִּתְרוֹ
יא לִקְרַאת רֵעֵהוּ וְאֶת־הַצִּפֹּר לֹא בָתָר׃ וַיֵּרֶד הָעַיִט עַל־
יב הַפְּגָרִים וַיַּשֵּׁב אֹתָם אַבְרָם׃ וַיְהִי הַשֶּׁמֶשׁ לָבוֹא וְתַרְדֵּמָה
נָפְלָה עַל־אַבְרָם וְהִנֵּה אֵימָה חֲשֵׁכָה גְדֹלָה נֹפֶלֶת עָלָיו׃
יג וַיֹּאמֶר לְאַבְרָם יָדֹעַ תֵּדַע כִּי־גֵר ׀ יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא
יד לָהֶם וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה׃ וְגַם אֶת־
הַגּוֹי אֲשֶׁר יַעֲבֹדוּ דָּן אָנֹכִי וְאַחֲרֵי־כֵן יֵצְאוּ בִּרְכֻשׁ גָּדוֹל׃
טו וְאַתָּה תָּבוֹא אֶל־אֲבֹתֶיךָ בְּשָׁלוֹם תִּקָּבֵר בְּשֵׂיבָה טוֹבָה׃
טז וְדוֹר רְבִיעִי יָשׁוּבוּ הֵנָּה כִּי לֹא שָׁלֵם עֲוֹן הָאֱמֹרִי עַד־
יז הֵנָּה׃ וַיְהִי הַשֶּׁמֶשׁ בָּאָה וַעֲלָטָה הָיָה וְהִנֵּה תַנּוּר עָשָׁן
יח וְלַפִּיד אֵשׁ אֲשֶׁר עָבַר בֵּין הַגְּזָרִים הָאֵלֶּה׃ בַּיּוֹם הַהוּא
כָּרַת יְהוָה אֶת־אַבְרָם בְּרִית לֵאמֹר לְזַרְעֲךָ נָתַתִּי אֶת־
הָאָרֶץ הַזֹּאת מִנְּהַר מִצְרַיִם עַד־הַנָּהָר הַגָּדֹל נְהַר־פְּרָת׃
יט כ אֶת־הַקֵּינִי וְאֶת־הַקְּנִזִּי וְאֵת הַקַּדְמֹנִי׃ וְאֶת־הַחִתִּי וְאֶת־

טו [1] נאָך דידאָזיקע געשעעענישן איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו אַברמען אין אַ זעאונג, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט מורא האָבן, אַברם, איך בין דיר אַ שילד; דיין שׂכר איז זייער גרויס. [2] האָט אַברם געזאָגט: גאָט דו האַר, וואָס קענסטו מיר געבן, אַז איך גיי אַוועק אָן אַ קינד, און דער ווירטשאַפטער פון מיין הויז איז דער דַמֶשֶׂקער אֱלִיעֶזֶר? [3] און אַברם האָט געזאָגט: זע, האָסט מיר קיין זאָמען ניט געגעבן, און אָט וועט אַ זון פון מיין הויזגעזינט מיך ירשענ. [4] ערשט דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו אים, אַזוי צו זאָגן: ניט דערדאָזיקער וועט דיך ירשענ, נאָר דער וואָס וועט אַרויסגיין פון דיינע אינגע־ווייד, ער וועט דיך ירשענ. [5] און ער האָט אים אַרויס־געפירט דרויסן, און האָט געזאָגט: טו אַקאָרשט אַ קוק אויפן הימל, און צייל די שטערן, אויב דו קענסט זיי איבערציילן. און ער האָט צו אים געזאָגט: אַזוי וועט זיין דיין זאָמען.—[6] און ער האָט געגלויבט אין גאָט, און ער האָט עס אים גערעכנט פאַר אַ גערעכטיקייט.

[7] און ער האָט צו אים געזאָגט: איך בין יהוה וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון אור־כַּשׂדים, דיר צו געבן דאָס־דאָזיקע לאַנד, עס צו אַרבן. [8] האָט ער געזאָגט: גאָט דו האַר, מיט וואָס וועל איך וויסן אַז איך וועל עס אַרבן? [9] האָט ער צו אים געזאָגט: נעם מיר אַ דרייאָריקע קו, און אַ דרייאָריקע ציג, און אַ דרייאָריקן ווידער, און אַ טורטלטויב, און אַ יונגע טויב. [10] האָט ער אים גענומען די אַלע, און האָט זיי איבערגעשניטן אין מיטן, און אַוועקגעלייגט איין העלפט קעגן דער אַנדערער; נאָר די פויגלען האָט ער ניט איבערגעשניטן. [11] האָבן די רויבפויגלען אַראָפּגענידערט אויף די פּגרים, אָבער אַברם האָט זיי אָפּגעטריבן.

[12] און ווי די זון איז געווען ביים אונטערגיין, אַזוי איז אַ טיפער שלאָף געפאַלן אויף אַברמען; ערשט אַן אימה, אַ גרויס פינצטערניש, פאַלט אָן אויף אים. [13] און ער האָט געזאָגט צו אַברמען: וויסן זאָלסטו וויסן זיין אַז דיינע קינדער וועלן זיין פרעמדע אין אַ לאַנד וואָס ניט זייערס, און מע וועט זיי פאַרקנעכטן, און מע וועט זיי פייניקן פיר הונדערט יאָר. [14] און אויך דאָס פאָלק וועמען זיי וועלן דינען, וועל איך משפטן; און דערנאָך וועלן זיי אַרויסגיין מיט גרויס פאַרמעג. [15] דו אָבער וועסט קומען צו דיינע עלטערן בשלום; אין אַ גוטער עלטער וועסטו באַגראָבן ווערן. [16] און ערשט אין פירטן דור וועלן זיי זיך אומקערן אַהער, וואָרום די זינד פון דעם אֶמורי וועט ניט זיין פאַרפול ביז דענסמאָל.

[17] און עס איז געווען, ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען, און עס איז געוואָרן שטאָקפינצטער, ערשט אַן אויוון מיט רויך, און אַ פלאַמפייער וואָס איז דורכגעגאַנגען צווישן דידאָזיקע שטיקער. [18] אין יענעם טאָג האָט גאָט געשלאָסן אַ בונד מיט אַברמען, אַזוי צו זאָגן: צו דיין זאָמען האָב איך געגעבן דאָסדאָזיקע לאַנד, פון דעם טייך פון מִצרַיִם ביז דעם גרויסן טייך, דעם טייך פּרָת; [19] דעם קֵיני, און דעם קנִזי, און דעם קַדמוני, [20] און דעם חִתּי, און

דעם פּרִזי, און די רפָאים, 21 און דעם אֶמוֹרי, און דעם
כּנַעֲני, און דעם גִרגָשי, און דעם יבוּסי.

טז 1 און שָׂרַי, אַבֿרמס ווײַב, האָט אים ניט געבאָרן קיין
קינדער; און זי האָט געהאַט אַ מִצרישע דינסט וואָס
איר נאָמען איז געווען הָגָר. 2 האָט שָׂרַי געזאָגט צו
אַבֿרמען: זע נאָר, גאָט האָט מיך פֿאַרמיטן פֿון געבערן;
קום, איך בעט דיך, צו מײַן דינסט, אפֿשר וועל איך אויפֿ־
געריכט ווערן דורך איר. האָט אַבֿרם צוגעהערט צו דעם
קָול פֿון שָׂרַין. 3 און שָׂרַי, אַבֿרמס ווײַב, האָט גענומען
הָגָר די מִצרית, איר דינסט, נאָכדעם ווי אַבֿרם איז גע־
זעסן אין לאַנד כּנַעַן צען יאָר, און זי האָט זי געגעבן איר
מאַן אַבֿרמען פֿאַר אַ ווײַב צו אים. 4 און ער איז געקומען צו
הָגָרן, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן; און ווי זי האָט געזען
אַז זי איז טראָגעדיק, אַזוי איז איר האַרינטע גרינגגעשאַצט
געוואָרן אין אירע אויגן. 5 האָט שָׂרַי געזאָגט צו אַבֿרמען:
מײַן עוולה אויף דיר! איך האָב געגעבן מײַן דינסט אין דײַן
בוזעם, און ווי זי האָט געזען אַז זי איז טראָגעדיק, אַזוי בין
איך גרינגגעשאַצט געוואָרן אין אירע אויגן; זאָל גאָט
משפּטן צווישן מיר און צווישן דיר. 6 האָט אַבֿרם געזאָגט
צו שָׂרַין: אָט איז דײַן דינסט אין דײַן האַנט, טו מיט איר
וואָס איז גוט אין דײַנע אויגן. און שָׂרַי האָט זי געפּײַניקט,
און זי איז אַנטלאָפֿן פֿון איר.

כא הַפְּרִזִּי וְאֶת־הָרְפָאִים׃ וְאֶת־הָאֱמֹרִי וְאֶת־הַכְּנַעֲנִי וְאֶת־
הַגִּרְגָּשִׁי וְאֶת־הַיְבוּסִי׃ ס

טז

א וְשָׂרַי אֵשֶׁת אַבְרָם לֹא יָלְדָה לוֹ וְלָהּ שִׁפְחָה מִצְרִית
ב וּשְׁמָהּ הָגָר׃ וַתֹּאמֶר שָׂרַי אֶל־אַבְרָם הִנֵּה־נָא עֲצָרַנִי
יְהוָה מִלֶּדֶת בֹּא־נָא אֶל־שִׁפְחָתִי אוּלַי אִבָּנֶה מִמֶּנָּה
ג וַיִּשְׁמַע אַבְרָם לְקוֹל שָׂרָי׃ וַתִּקַּח שָׂרַי אֵשֶׁת־אַבְרָם
אֶת־הָגָר הַמִּצְרִית שִׁפְחָתָהּ מִקֵּץ עֶשֶׂר שָׁנִים לְשֶׁבֶת
אַבְרָם בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וַתִּתֵּן אֹתָהּ לְאַבְרָם אִישָׁהּ לוֹ לְאִשָּׁה׃
ד וַיָּבֹא אֶל־הָגָר וַתַּהַר וַתֵּרֶא כִּי הָרָתָה וַתֵּקַל גְּבִרְתָּהּ
ה בְּעֵינֶיהָ׃ וַתֹּאמֶר שָׂרַי אֶל־אַבְרָם חֲמָסִי עָלֶיךָ אָנֹכִי נָתַתִּי
שִׁפְחָתִי בְּחֵיקֶךָ וַתֵּרֶא כִּי הָרָתָה וָאֵקַל בְּעֵינֶיהָ יִשְׁפֹּט
ו יְהוָה בֵּינִי וּבֵינֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר אַבְרָם אֶל־שָׂרַי הִנֵּה שִׁפְחָתֵךְ
בְּיָדֵךְ עֲשִׂי־לָהּ הַטּוֹב בְּעֵינָיִךְ וַתְּעַנֶּהָ שָׂרַי וַתִּבְרַח מִפָּנֶיהָ׃
ז וַיִּמְצָאָהּ מַלְאַךְ יְהוָה עַל־עֵין הַמַּיִם בַּמִּדְבָּר עַל־הָעַיִן
ח בְּדֶרֶךְ שׁוּר׃ וַיֹּאמַר הָגָר שִׁפְחַת שָׂרַי אֵי־מִזֶּה בָאת וְאָנָה
ט תֵלֵכִי וַתֹּאמֶר מִפְּנֵי שָׂרַי גְּבִרְתִּי אָנֹכִי בֹּרַחַת׃ וַיֹּאמֶר
לָהּ מַלְאַךְ יְהוָה שׁוּבִי אֶל־גְּבִרְתֵּךְ וְהִתְעַנִּי תַּחַת יָדֶיהָ׃
י וַיֹּאמֶר לָהּ מַלְאַךְ יְהוָה הַרְבָּה אַרְבֶּה אֶת־זַרְעֵךְ וְלֹא
יא יִסָּפֵר מֵרֹב׃ וַיֹּאמֶר לָהּ מַלְאַךְ יְהוָה הִנָּךְ הָרָה וְיֹלַדְתְּ
בֵּן וְקָרָאת שְׁמוֹ יִשְׁמָעֵאל כִּי־שָׁמַע יְהוָה אֶל־עָנְיֵךְ׃
יב וְהוּא יִהְיֶה פֶּרֶא אָדָם יָדוֹ בַכֹּל וְיַד כֹּל בּוֹ וְעַל־פְּנֵי כָל־
יג אֶחָיו יִשְׁכֹּן׃ וַתִּקְרָא שֵׁם־יְהוָה הַדֹּבֵר אֵלֶיהָ אַתָּה אֵל
יד רֳאִי כִּי אָמְרָה הֲגַם הֲלֹם רָאִיתִי אַחֲרֵי רֹאִי׃ עַל־כֵּן קָרָא
טו לַבְּאֵר בְּאֵר לַחַי רֹאִי הִנֵּה בֵין־קָדֵשׁ וּבֵין בָּרֶד׃ וַתֵּלֶד
הָגָר לְאַבְרָם בֵּן וַיִּקְרָא אַבְרָם שֶׁם־בְּנוֹ אֲשֶׁר־יָלְדָה הָגָר

טז, ד׳ פתח באתנח ה׳ נקוד על י׳ בתרא ח׳ פתח בס״ס

7 האָט אַ מלאך פֿון גאָט זי געפֿונען בײַ אַ קוואַל
וואַסער אין דער מדבר, בײַ דעם קוואַל אויפֿן וועג קיין שור. 8 און ער האָט געזאָגט: הָגָר, שָׂרַיס דינסט, פֿון
וואַנען קומסטו, און וווהין גייסטו? האָט זי געזאָגט: פֿון מײַן האַרינטע שָׂרַין אַנטלויף איך. 9 האָט דער מלאך
פֿון גאָט צו איר געזאָגט: קער זיך אום צו דײַן האַרינטע, און בייג זיך אונטער אירע הענט. 10 און דער מלאך
פֿון גאָט האָט צו איר געזאָגט: מערן וועל איך מערן דײַן זאָמען, און ער וועט ניט קענען געציילט ווערן פֿון
פֿילקייט. 11 און דער מלאך פֿון גאָט האָט צו איר געזאָגט: זע, דו ביסט טראָגעדיק, און געבערסט אַ זון, זאָלסטו רופֿן
זײַן נאָמען יִשמָעֵאל, ווײַל גאָט האָט צוגעהערט[א] דײַן פּײַן. 12 און ער וועט זײַן אַ מענטש אַ וואַלדאייזל: זײַן האַנט וועט
זײַן אַקעגן אַלעמען, און אַלעמענס האַנט וועט זײַן אַקעגן אים; און אין געזיכט פֿון אַלע זײַנע ברידער וועט ער וווינען.
13 האָט זי גערופֿן דעם נאָמען פֿון יהוה וואָס האָט צו איר גערעדט „דו ביסט דער גאָט פֿון זעאונג״; וואָרום זי האָט
געזאָגט: ניט־שוין האָב איך דאָ געזען דעם וואָס זעט מיך? 14 דרום האָט מען גערופֿן דעם ברונעם בְּאֵר־לַחַי־רוֹאִי[ב]; ער
איז צווישן קָדֵש און צווישן בֶּרֶד.
15 און הָגָר האָט געבאָרן אַבֿרמען אַ זון, און אַבֿרם האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון זײַן זון וואָס הָגָר האָט געבאָרן,

[א] שָׁמַע יְהוָה. [ב] דער ברונעם פֿון דעם לעבעדיקן וואָס זעט מיך.

יִשְׁמָעֵאל׃ וְאַבְרָם בֶּן־שְׁמֹנִים שָׁנָה וְשֵׁשׁ שָׁנִים בְּלֶדֶת־ טז
הָגָר אֶת־יִשְׁמָעֵאל לְאַבְרָם׃ ס

יז

וַיְהִי אַבְרָם בֶּן־תִּשְׁעִים שָׁנָה וְתֵשַׁע שָׁנִים וַיֵּרָא יְהוָה א
אֶל־אַבְרָם וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי־אֵל שַׁדַּי הִתְהַלֵּךְ לְפָנַי וֶהְיֵה
תָמִים׃ וְאֶתְּנָה בְרִיתִי בֵּינִי וּבֵינֶךָ וְאַרְבֶּה אוֹתְךָ בִּמְאֹד ב
מְאֹד׃ וַיִּפֹּל אַבְרָם עַל־פָּנָיו וַיְדַבֵּר אִתּוֹ אֱלֹהִים לֵאמֹר׃ ג
אֲנִי הִנֵּה בְרִיתִי אִתָּךְ וְהָיִיתָ לְאַב הֲמוֹן גּוֹיִם׃ וְלֹא־יִקָּרֵא ד ה
עוֹד אֶת־שִׁמְךָ אַבְרָם וְהָיָה שִׁמְךָ אַבְרָהָם כִּי אַב־הֲמוֹן
גּוֹיִם נְתַתִּיךָ׃ וְהִפְרֵתִי אֹתְךָ בִּמְאֹד מְאֹד וּנְתַתִּיךָ לְגוֹיִם ו
וּמְלָכִים מִמְּךָ יֵצֵאוּ׃ וַהֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי בֵּינִי וּבֵינֶךָ שב׳
וּבֵין זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ לְדֹרֹתָם לִבְרִית עוֹלָם לִהְיוֹת לְךָ
לֵאלֹהִים וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ׃ וְנָתַתִּי לְךָ וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ ח
אֵת ׀ אֶרֶץ מְגֻרֶיךָ אֵת כָּל־אֶרֶץ כְּנַעַן לַאֲחֻזַּת עוֹלָם וְהָיִיתִי
לָהֶם לֵאלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־אַבְרָהָם וְאַתָּה אֶת־ ט
בְּרִיתִי תִשְׁמֹר אַתָּה וְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ לְדֹרֹתָם׃ זֹאת בְּרִיתִי י
אֲשֶׁר תִּשְׁמְרוּ בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם וּבֵין זַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ הִמּוֹל
לָכֶם כָּל־זָכָר׃ וּנְמַלְתֶּם אֵת בְּשַׂר עָרְלַתְכֶם וְהָיָה לְאוֹת יא
בְּרִית בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם׃ וּבֶן־שְׁמֹנַת יָמִים יִמּוֹל לָכֶם כָּל־זָכָר יב
לְדֹרֹתֵיכֶם יְלִיד בָּיִת וּמִקְנַת־כֶּסֶף מִכֹּל בֶּן־נֵכָר אֲשֶׁר לֹא
מִזַּרְעֲךָ הוּא׃ הִמּוֹל ׀ יִמּוֹל יְלִיד בֵּיתְךָ וּמִקְנַת כַּסְפֶּךָ יג
וְהָיְתָה בְרִיתִי בִּבְשַׂרְכֶם לִבְרִית עוֹלָם׃ וְעָרֵל ׀ זָכָר אֲשֶׁר יד
לֹא־יִמּוֹל אֶת־בְּשַׂר עָרְלָתוֹ וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מֵעַמֶּיהָ
אֶת־בְּרִיתִי הֵפַר׃ ס וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־אַבְרָהָם שָׂרַי טו
אִשְׁתְּךָ לֹא־תִקְרָא אֶת־שְׁמָהּ שָׂרָי כִּי שָׂרָה שְׁמָהּ׃ וּבֵרַכְתִּי טז
אֹתָהּ וְגַם נָתַתִּי מִמֶּנָּה לְךָ בֵּן וּבֵרַכְתִּיהָ וְהָיְתָה לְגוֹיִם
מַלְכֵי עַמִּים מִמֶּנָּה יִהְיוּ׃ וַיִּפֹּל אַבְרָהָם עַל־פָּנָיו וַיִּצְחָק יז

יג, יד׳ פתח בס״פ

יִשְׁמָעֵאל. [16] און אַברם איז געווען זעקס און אַכציק יאָר אַלט, ווען הָגָר האָט געבאָרן יִשְׁמָעֵאלן צו אַברמען.

**יז** [1] און אַז אַברם איז אַלט געווען ניין און ניינציק יאָר, האָט זיך יהוה באַוויזן צו אַברמען, און האָט צו אים געזאָגט: איך בין גאָט שַׁדַי; גיי פאַר מיר, און זיי ערלעך. [2] און איך וועל מאַכן מיין בונד צווישן מיר און צווישן דיר, און איך וועל דיך מערן זייער און זייער. [3] איז אַברם געפאַלן אויף זיין פנים, און גאָט האָט מיט אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן: [4] איך—זע, מיין בונד וועט זיין מיט דיר, און וועסט זיין דער פאָטער פון אַ סך[א] פעלקער. [5] און דיין נאָמען זאָל מער ניט גערופן ווערן אַברם, נאָר דיין נאָמען זאָל זיין אַבְרָהָם; וואָרום פאַר דעם פאָטער פון אַ סך פעלקער האָב איך דיך געמאַכט. [6] און איך וועל דיך פרוכפּערן זייער און זייער, און איך וועל דיך מאַכן פאַר פעלקער, און מלכים וועלן אַרויסגיין פון דיר. [7] און איך וועל אויפשטעלן מיין בונד צווישן מיר און צווישן דיר, און צווישן דיין זאָמען נאָך דיר, אויף זייערע דור־דורות, פאַר אַן אייביקן בונד, צו זיין דיר צום גאָט און דיין זאָמען נאָך דיר. [8] און איך וועל געבן דיר און דיין זאָמען נאָך דיר דאָס לאַנד פון דיין וווינשאַפט, דאָס גאַנצע לאַנד כּנַעַן, פאַר אַן אייביקן אייגנטום; און איך וועל זיי זיין צום גאָט. [9] און גאָט האָט געזאָגט צו אַברהמען: דו אָבער זאָלסט היטן מיין בונד, דו און דיין זאָמען נאָך דיר, אויף זייערע דור־דורות. [10] דאָס איז מיין בונד וואָס איר זאָלט היטן צווישן מיר און צווישן אײַך, און צווישן דיין זאָמען נאָך דיר: בײַ אײַך זאָל געמַלט ווערן איטלעכער מאַנספּאַרשוין. [11] און איר זאָלט געמַלט ווערן אין דעם פלייש פון אײַער פאָרהויט, און עס וועט זיין פאַר אַ צייכן פון בונד צווישן מיר און צווישן אײַך. [12] און צו אַכט טעג זאָל געמַלט ווערן בײַ אײַך איטלעכער מאַנספּאַרשוין אויף אײַערע דור־דורות, געבאָרן אין הויז, אָדער געקויפט פאַר געלט פון עמיץ אַ פרעמדן וואָס איז ניט פון דיין זאָמען. [13] געמַלט מוז געמַלט ווערן דער וואָס איז געבאָרן אין דיין הויז, און דער וואָס איז געקויפט פאַר דיין געלט; און מיין בונד זאָל זיין אין אײַער פלייש פאַר אַן אייביקן בונד. [14] און אַן אומבאַשניטענער מאַנספּאַרשוין וואָס וועט זיך ניט מַלן אין דעם פלייש פון זיין פאָרהויט, יענע זעל זאָל פאַרשניטן ווערן פון איר פאָלק; מיין בונד האָט ער פאַרשטערט.

[15] און גאָט האָט געזאָגט צו אַברהמען: דיין ווייב שָׂרַין זאָלסטו ניט רופן מיט איר נאָמען שָׂרַי, נייערט שָׂרָה[ב] זאָל זיין איר נאָמען. [16] און איך וועל זי בענטשן, און וועל דיר אויך געבן פון איר אַ זון; יאָ, איך וועל זי בענטשן, און פעלקער וועלן ווערן פון איר; מלכים פון אומות וועלן זיין פון איר. [17] איז אַברהם געפאַלן אויף זיין פנים, און ער האָט געלאַכט[ג],

[א] אַב הֲמוֹן. [ב] האַרינטע. [ג] וַיִּצְחָק.

וַיֹּאמֶר בְּלִבּוֹ הַלְּבֶן מֵאָה־שָׁנָה יִוָּלֵד וְאִם־שָׂרָה הֲבַת־
יח תִּשְׁעִים שָׁנָה תֵּלֵד׃ וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם אֶל־הָאֱלֹהִים לוּ
יט יִשְׁמָעֵאל יִחְיֶה לְפָנֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֲבָל שָׂרָה אִשְׁתְּךָ
יֹלֶדֶת לְךָ בֵּן וְקָרָאתָ אֶת־שְׁמוֹ יִצְחָק וַהֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי
כ אִתּוֹ לִבְרִית עוֹלָם לְזַרְעוֹ אַחֲרָיו׃ וּלְיִשְׁמָעֵאל שְׁמַעְתִּיךָ
הִנֵּה ׀ בֵּרַכְתִּי אֹתוֹ וְהִפְרֵיתִי אֹתוֹ וְהִרְבֵּיתִי אֹתוֹ בִּמְאֹד
כא מְאֹד שְׁנֵים־עָשָׂר נְשִׂיאִם יוֹלִיד וּנְתַתִּיו לְגוֹי גָּדוֹל׃ וְאֶת־
בְּרִיתִי אָקִים אֶת־יִצְחָק אֲשֶׁר תֵּלֵד לְךָ שָׂרָה לַמּוֹעֵד הַזֶּה
כב בַּשָּׁנָה הָאַחֶרֶת׃ וַיְכַל לְדַבֵּר אִתּוֹ וַיַּעַל אֱלֹהִים מֵעַל
כג אַבְרָהָם׃ וַיִּקַּח אַבְרָהָם אֶת־יִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ וְאֵת כָּל־יְלִידֵי
בֵיתוֹ וְאֵת כָּל־מִקְנַת כַּסְפּוֹ כָּל־זָכָר בְּאַנְשֵׁי בֵּית אַבְרָהָם
וַיָּמָל אֶת־בְּשַׂר עָרְלָתָם בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר
מפ׳ אִתּוֹ אֱלֹהִים׃ וְאַבְרָהָם בֶּן־תִּשְׁעִים וָתֵשַׁע שָׁנָה בְּהִמֹּלוֹ
כה בְּשַׂר עָרְלָתוֹ׃ וְיִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ בֶּן־שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה בְּהִמֹּלוֹ
כו אֵת בְּשַׂר עָרְלָתוֹ׃ בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה נִמּוֹל אַבְרָהָם
כז וְיִשְׁמָעֵאל בְּנוֹ׃ וְכָל־אַנְשֵׁי בֵיתוֹ יְלִיד בָּיִת וּמִקְנַת־כֶּסֶף
מֵאֵת בֶּן־נֵכָר נִמֹּלוּ אִתּוֹ׃ פ

און געזאָגט בײַ זיך אין האַרצן: קען בײַ אַ מאַן פון הונדערט יאָר געבאָרן ווערן? און קען שׂרה צו נײַנציק יאָר געבערן? 18 און אַברהם האָט געזאָגט צו גאָט: הלוואַי זאָל ישמָעאל לעבן פאַר דיר! 19 האָט גאָט געזאָגט: פאַרוואָר, דײַן ווײַב שׂרה וועט דיר געבערן אַ זון, און זאָלסט רופן זײַן נאָמען יצחק; און איך וועל אויפשטעלן מײַן בונד מיט אים פאַר אַן אייביקן בונד צו זײַן זאָמען נאָך אים. 20 און וועגן ישמָעאלן האָב איך דיך צוגעהערט; זע, איך האָב אים געבענטשט, און איך וועל אים פרוכפערן, און וועל אים מערן זייער און זייער; צוועלף פירשטן וועט ער געבערן, און איך וועל אים מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק. 21 מײַן בונד אָבער וועל איך אויפשטעלן מיט יצחקן, וואָס שׂרה וועט דיר געבערן צו דער צײַט אויפן אַנדער יאָר.

22 און ווי ער האָט געענדיקט רעדן מיט אים, אַזוי האָט גאָט זיך אויפגעהויבן פון איבער אַברהמען.

23 און אַברהם האָט גענומען זײַן זון ישמָעאלן, און אַלע זײַנע הויזגעבאָרענע, און אַלע זײַנע געקויפטע פאַר געלט, יעטוועדער מאַנספּאַרשוין צווישן די הויזלײַט פון אַברהמען, און ער האָט געמַלט דאָס פלייש פון זייער פאָרהויט אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג, אַזוי ווי גאָט האָט צו אים גערעדט. 24 און אַברהם איז געווען נײַן און נײַנציק יאָר אַלט, ווען ער איז געמַלט געוואָרן אין דעם פלייש פון זײַן פאָרהויט. 25 און זײַן זון ישמָעאל איז געווען דרײַצן יאָר אַלט, ווען ער איז געמַלט געוואָרן אין דעם פלייש פון זײַן פאָרהויט. 26 אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג איז געמַלט געוואָרן אַברהם און זײַן זון ישמָעאל. 27 און אַלע מאַנסלײַט פון זײַן הויז, געבאָרן אין הויז, אָדער געקויפט פאַר געלט פון אַ פרעמדן, זײַנען געמַלט געוואָרן מיט אים.

## וַיֵּרָא

יח

א וַיֵּרָא אֵלָיו יְהוָה בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא וְהוּא יֹשֵׁב פֶּתַח־הָאֹהֶל
ב כְּחֹם הַיּוֹם׃ וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים נִצָּבִים
עָלָיו וַיַּרְא וַיָּרָץ לִקְרָאתָם מִפֶּתַח הָאֹהֶל וַיִּשְׁתַּחוּ אָרְצָה׃
ג וַיֹּאמַר אֲדֹנָי אִם־נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אַל־נָא תַעֲבֹר מֵעַל
ד עַבְדֶּךָ׃ יֻקַּח־נָא מְעַט־מַיִם וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם וְהִשָּׁעֲנוּ תַּחַת
ה הָעֵץ׃ וְאֶקְחָה פַת־לֶחֶם וְסַעֲדוּ לִבְּכֶם אַחַר תַּעֲבֹרוּ כִּי־
עַל־כֵּן עֲבַרְתֶּם עַל־עַבְדְּכֶם וַיֹּאמְרוּ כֵּן תַּעֲשֶׂה כַּאֲשֶׁר
ו דִּבַּרְתָּ׃ וַיְמַהֵר אַבְרָהָם הָאֹהֱלָה אֶל־שָׂרָה וַיֹּאמֶר מַהֲרִי

יז, כז׳ קמץ בז״ק  יח, ג׳ קדש

יח 1 און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים, בײַ די אייכנביימער פון מַמרֵא, ווען ער איז געזעסן אין אַײַנגאַנג פון זײַן געצעלט, אין דער היץ פון טאָג. 2 און ער האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן און האָט דערזען, ערשט דרײַ מענער שטייען פאַר אים; און ווי ער האָט זיי דערזען, אַזוי איז ער זיי געלאָפן אַנטקעגן פון דעם אַײַנגאַנג פון געצעלט, און האָט זיך געבוקט צו דער ערד. 3 און ער האָט געזאָגט: מײַן האַר, אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן, זאָלסטו, איך בעט דיך, ניט אַוועקגיין פון דײַן קנעכט. 4 לאָז געבראַכט ווערן אַ ביסל וואַסער, און וואַשט אײַערע פיס, און לענט אײַך אָן אונטערן בוים. 5 און איך וועל ברענגען אַ שטיקל ברויט, און איר וועט אונטערלענען אײַער האַרץ, דערנאָך וועט איר גיין ווײַטער; אַזוי ווי איר זײַט שוין אַריבערגעקומען צו אײַער קנעכט. האָבן זיי געזאָגט: טו אַזוי ווי דו האָסט גערעדט. 6 האָט אַברהם געאײַלט אין געצעלט צו שׂרהן, און האָט געזאָגט: אײַל זיך!

ז שְׁלֹשׁ סְאִים קֶמַח סֹלֶת לוּשִׁי וַעֲשִׂי עֻגוֹת׃ וְאֶל־הַבָּקָר
רָץ אַבְרָהָם וַיִּקַּח בֶּן־בָּקָר רַךְ וָטוֹב וַיִּתֵּן אֶל־הַנַּעַר וַיְמַהֵר
ח לַעֲשׂוֹת אֹתוֹ׃ וַיִּקַּח חֶמְאָה וְחָלָב וּבֶן־הַבָּקָר אֲשֶׁר עָשָׂה
וַיִּתֵּן לִפְנֵיהֶם וְהוּא־עֹמֵד עֲלֵיהֶם תַּחַת הָעֵץ וַיֹּאכֵלוּ׃
ט וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו אַיֵּה שָׂרָה אִשְׁתֶּךָ וַיֹּאמֶר הִנֵּה בָאֹהֶל׃
י וַיֹּאמֶר שׁוֹב אָשׁוּב אֵלֶיךָ כָּעֵת חַיָּה וְהִנֵּה־בֵן לְשָׂרָה
יא אִשְׁתֶּךָ וְשָׂרָה שֹׁמַעַת פֶּתַח הָאֹהֶל וְהוּא אַחֲרָיו׃ וְאַבְרָהָם
וְשָׂרָה זְקֵנִים בָּאִים בַּיָּמִים חָדַל לִהְיוֹת לְשָׂרָה אֹרַח
יב כַּנָּשִׁים׃ וַתִּצְחַק שָׂרָה בְּקִרְבָּהּ לֵאמֹר אַחֲרֵי בְלֹתִי
יג הָיְתָה־לִּי עֶדְנָה וַאדֹנִי זָקֵן׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־אַבְרָהָם
לָמָּה זֶּה צָחֲקָה שָׂרָה לֵאמֹר הַאַף אֻמְנָם אֵלֵד וַאֲנִי זָקַנְתִּי׃
יד הֲיִפָּלֵא מֵיְהוָה דָּבָר לַמּוֹעֵד אָשׁוּב אֵלֶיךָ כָּעֵת חַיָּה
שני וּלְשָׂרָה בֵן׃ וַתְּכַחֵשׁ שָׂרָה ׀ לֵאמֹר לֹא צָחַקְתִּי כִּי ׀
טו יָרֵאָה וַיֹּאמֶר ׀ לֹא כִּי צָחָקְתְּ׃ וַיָּקֻמוּ מִשָּׁם הָאֲנָשִׁים
וַיַּשְׁקִפוּ עַל־פְּנֵי סְדֹם וְאַבְרָהָם הֹלֵךְ עִמָּם לְשַׁלְּחָם׃
יז וַיהוָה אָמָר הַמְכַסֶּה אֲנִי מֵאַבְרָהָם אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה׃
יח וְאַבְרָהָם הָיוֹ יִהְיֶה לְגוֹי גָּדוֹל וְעָצוּם וְנִבְרְכוּ־בוֹ כֹּל גּוֹיֵי
יט הָאָרֶץ׃ כִּי יְדַעְתִּיו לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת־בָּנָיו וְאֶת־בֵּיתוֹ
אַחֲרָיו וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ יְהוָה לַעֲשׂוֹת צְדָקָה וּמִשְׁפָּט לְמַעַן
כ הָבִיא יְהוָה עַל־אַבְרָהָם אֵת אֲשֶׁר־דִּבֶּר עָלָיו׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה זַעֲקַת סְדֹם וַעֲמֹרָה כִּי־רָבָּה וְחַטָּאתָם כִּי כָבְדָה
כא מְאֹד׃ אֵרְדָה־נָּא וְאֶרְאֶה הַכְּצַעֲקָתָהּ הַבָּאָה אֵלַי עָשׂוּ ׀
כב כָּלָה וְאִם־לֹא אֵדָעָה׃ וַיִּפְנוּ מִשָּׁם הָאֲנָשִׁים וַיֵּלְכוּ סְדֹמָה
כג וְאַבְרָהָם עוֹדֶנּוּ עֹמֵד לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיִּגַּשׁ אַבְרָהָם וַיֹּאמַר
כד הַאַף תִּסְפֶּה צַדִּיק עִם־רָשָׁע׃ אוּלַי יֵשׁ חֲמִשִּׁים צַדִּיקִם
בְּתוֹךְ הָעִיר הַאַף תִּסְפֶּה וְלֹא־תִשָּׂא לַמָּקוֹם לְמַעַן חֲמִשִּׁים
כה הַצַּדִּיקִם אֲשֶׁר בְּקִרְבָּהּ׃ חָלִלָה לְּךָ מֵעֲשֹׂת ׀ כַּדָּבָר

ר׳ הגי רפה ט׳ נקוד על איו יג׳ פתח בסיס כא׳ מלעיל

דריי סְאָה זעמלמעל, פאַרקנעט און מאַך קוכנס. [7] און צו די רינדער איז אַברהם געלאָפן, און האָט גענומען אַ יונג רינד, ווייך און פעט, און געגעבן צום יונג; און ער האָט עס צוגעריכט אויף גיך. [8] און ער האָט גענומען שמאַנט און מילך, און דאָס יונגע רינד וואָס ער האָט צוגעריכט, און האָט אַוועקגעשטעלט פאַר זיי; און ער איז געשטאַנען פאַר זיי אונטערן בוים, און זיי האָבן געגעסן. [9] האָבן זיי צו אים געזאָגט: ווו איז שׂרה דיין ווייב? האָט ער געזאָגט: אָן אין געצעלט. [10] האָט ער געזאָגט: אומקערן וועל איך זיך אומקערן אַזוי ווי איצט איבער אַ יאָר, און זע, שׂרה דיין ווייב וועט האָבן אַ זון. און שׂרה האָט זיך אַיינ־געהערט אין אַיינגאַנג פון געצעלט וואָס הינטער אים.— [11] און אַברהם און שׂרה זיינען געווען באַטאָגטע זקנים; ביי שׂרהן האָט אויפגעהערט צו זיין דער שטייגער ווי ביי ווייבער.—[12] און שׂרה האָט געלאַכט אין זיך אַזוי צו זאָגן: נאָכדעם ווי איך בין אַלט געוואָרן, זאָל איך נאָך האָבן תענוג? דערצו איז מיין האַר אַלט. [13] האָט גאָט געזאָגט צו אַברהמען: פאַרוואָס האָט שׂרה געלאַכט, אַזוי צו זאָגן: צי קען איך אין דער אמתן געבערן, אַז איך בין אַלט? [14] איז דען אַ זאַך פאַרמיטן פון גאָט? צו דער באַשטימטער צייט וועל איך ווידערקערן צו דיר, אַזוי ווי איצט איבער אַ יאָר, און שׂרה וועט האָבן אַ זון. [15] האָט שׂרה געלייקנט, אַזוי צו זאָגן: איך האָב ניט געלאַכט; וואָרום זי האָט מורא געהאַט; און ער האָט געזאָגט: ניין, האָסט יאָ געלאַכט.

[16] און די מענער זיינען אויפגעשטאַנען פון דאָרטן, און האָבן אַראָפּגעקוקט אויף סדום. און אַברהם איז געגאַנגען מיט זיי, זיי צו באַלייטן. [17] און גאָט האָט געזאָגט: זאָל איך פאַרדעקן פון אַברהמען וואָס איך וויל טאָן? [18] און אַברהם וועט דאָך ווערן אַ גרויס און מאַכטיק פאָלק, און אַלע פעלקער פון דער ערד וועלן זיך בענטשן מיט אים; [19] וואָרום איך האָב אים דערקענט, כּדי ער זאָל באַפעלן זיינע קינדער, און זיין הויז נאָך אים, אַז זיי זאָלן היטן דעם וועג פון גאָט, צו טאָן רעכט און גערעכטיקייט, כּדי גאָט זאָל ברענגען אויף אַברהמען וואָס ער האָט גערעדט וועגן אים. [20] און גאָט האָט געזאָגט: דאָס געשריי וועגן סדום און עמוֹרָה איז פאַרוואָר גרויס, און זייער זינד איז פאַרוואָר זייער שווער. [21] לאָמיך אַקאָרשט אַראָפּנידערן און זען, אויב זיי האָבן אין גאַנצן געטאָן אַזוי ווי דאָס געשריי וואָס איז געקומען צו מיר; און אויב ניט, לאָמיך וויסן. [22] און די מענער האָבן זיך פאַרקערט פון דאָרטן, און זיינען געגאַנגען קיין סדום; און אַברהם איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר גאָט. [23] און אַברהם האָט גענענט און האָט געזאָגט: ניט־שוין וועסטו אומברענגען דעם אומ־שולדיקן מיט דעם שולדיקן? [24] טאָמער זיינען דאָ פופציק אומשולדיקע אין דער שטאָט, ניט־שוין וועסטו זיי אומברענגען, און וועסט ניט פאַרגעבן דעם אָרט פון וועגן די פופציק אומשולדיקע וואָס אין איר? [25] חלילה דיר צו טאָן אַזאַ זאַך,

הַזֶּה לְהָמִית צַדִּיק עִם־רָשָׁע וְהָיָה כַצַּדִּיק כָּרָשָׁע חָלִלָה
כו לָּךְ הֲשֹׁפֵט כָּל־הָאָרֶץ לֹא יַעֲשֶׂה מִשְׁפָּט׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה
אִם־אֶמְצָא בִסְדֹם חֲמִשִּׁים צַדִּיקִם בְּתוֹךְ הָעִיר וְנָשָׂאתִי
כז לְכָל־הַמָּקוֹם בַּעֲבוּרָם׃ וַיַּעַן אַבְרָהָם וַיֹּאמַר הִנֵּה־נָא
כח הוֹאַלְתִּי לְדַבֵּר אֶל־אֲדֹנָי וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר׃ אוּלַי יַחְסְרוּן
חֲמִשִּׁים הַצַּדִּיקִם חֲמִשָּׁה הֲתַשְׁחִית בַּחֲמִשָּׁה אֶת־כָּל־
הָעִיר וַיֹּאמֶר לֹא אַשְׁחִית אִם־אֶמְצָא שָׁם אַרְבָּעִים וַחֲמִשָּׁה׃
כט וַיֹּסֶף עוֹד לְדַבֵּר אֵלָיו וַיֹּאמַר אוּלַי יִמָּצְאוּן שָׁם אַרְבָּעִים
ל וַיֹּאמֶר לֹא אֶעֱשֶׂה בַּעֲבוּר הָאַרְבָּעִים׃ וַיֹּאמֶר אַל־נָא יִחַר
לַאדֹנָי וַאֲדַבֵּרָה אוּלַי יִמָּצְאוּן שָׁם שְׁלֹשִׁים וַיֹּאמֶר לֹא
לא אֶעֱשֶׂה אִם־אֶמְצָא שָׁם שְׁלֹשִׁים׃ וַיֹּאמֶר הִנֵּה־נָא הוֹאַלְתִּי
לְדַבֵּר אֶל־אֲדֹנָי אוּלַי יִמָּצְאוּן שָׁם עֶשְׂרִים וַיֹּאמֶר לֹא
לב אַשְׁחִית בַּעֲבוּר הָעֶשְׂרִים׃ וַיֹּאמֶר אַל־נָא יִחַר לַאדֹנָי
וַאֲדַבְּרָה אַךְ־הַפַּעַם אוּלַי יִמָּצְאוּן שָׁם עֲשָׂרָה וַיֹּאמֶר לֹא
לג אַשְׁחִית בַּעֲבוּר הָעֲשָׂרָה׃ וַיֵּלֶךְ יְהוָה כַּאֲשֶׁר כִּלָּה לְדַבֵּר
אֶל־אַבְרָהָם וְאַבְרָהָם שָׁב לִמְקֹמוֹ׃

יט

שלי׳ וַיָּבֹאוּ שְׁנֵי הַמַּלְאָכִים סְדֹמָה בָּעֶרֶב וְלוֹט יֹשֵׁב בְּשַׁעַר־
סְדֹם וַיַּרְא־לוֹט וַיָּקָם לִקְרָאתָם וַיִּשְׁתַּחוּ אַפַּיִם אָרְצָה׃
ב וַיֹּאמֶר הִנֶּה נָּא־אֲדֹנַי סוּרוּ נָא אֶל־בֵּית עַבְדְּכֶם וְלִינוּ
וְרַחֲצוּ רַגְלֵיכֶם וְהִשְׁכַּמְתֶּם וַהֲלַכְתֶּם לְדַרְכְּכֶם וַיֹּאמְרוּ
ג לֹּא כִּי בָרְחוֹב נָלִין׃ וַיִּפְצַר־בָּם מְאֹד וַיָּסֻרוּ אֵלָיו וַיָּבֹאוּ
ד אֶל־בֵּיתוֹ וַיַּעַשׂ לָהֶם מִשְׁתֶּה וּמַצּוֹת אָפָה וַיֹּאכֵלוּ׃ טֶרֶם
יִשְׁכָּבוּ וְאַנְשֵׁי הָעִיר אַנְשֵׁי סְדֹם נָסַבּוּ עַל־הַבַּיִת מִנַּעַר
ה וְעַד־זָקֵן כָּל־הָעָם מִקָּצֶה׃ וַיִּקְרְאוּ אֶל־לוֹט וַיֹּאמְרוּ לוֹ
אַיֵּה הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־בָּאוּ אֵלֶיךָ הַלָּיְלָה הוֹצִיאֵם אֵלֵינוּ
ו וְנֵדְעָה אֹתָם׃ וַיֵּצֵא אֲלֵהֶם לוֹט הַפֶּתְחָה וְהַדֶּלֶת סָגַר

---

יט, ב׳ בסגל נ׳ דגושה חול ל׳ דגושה ד׳ קמץ בסגולתא

צו טייטן דעם אומשולדיקן מיט דעם שולדיקן, אַז דער אומשולדיקער זאָל זיין אַזוי ווי דער שולדיקער; חלילה דיר! זאָל דער ריכטער פון דער גאַנצער ערד ניט טאָן גערעכטיקייט? [26] האָט גאָט געזאָגט: אויב איך וועל געפינען אין סדום פופציק אומשולדיקע אין דער שטאָט, וועל איך פאַרגעבן דעם גאַנצן אָרט פון זייערטוועגן. [27] האָט זיך אָפּגערופן אַברהם און האָט געזאָגט: זע, איך בעט דיך, איך אונטערשטיי מיך צו רעדן צו מיין האַר, הגם איך בין שטויב און אַש. [28] טאָמער וועלן פעלן פון די פופציק אומשולדיקע פינף, וועסטו פון וועגן די פינף צעשטערן די גאַנצע שטאָט? האָט ער געזאָגט: איך וועל ניט צעשטערן, אויב איך וועל דאָרטן געפינען פינף און פערציק. [29] און ער האָט ווידער אַ מאָל צו אים גערעדט, און האָט געזאָגט: טאָמער וועלן זיך דאָרטן געפינען פערציק? האָט ער געזאָגט: איך וועל עס ניט טאָן פון וועגן די פערציק. [30] האָט ער געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, מיין האַר ניט פאַרדריסן, און איך וועל רעדן: טאָמער וועלן זיך דאָרטן געפינען דרייסיק? האָט ער געזאָגט: איך וועל עס ניט טאָן, אויב איך וועל דאָרטן געפינען דרייסיק. [31] האָט ער געזאָגט: זע, איך בעט דיך, איך אונטערשטיי מיך צו רעדן צו מיין האַר: טאָמער וועלן זיך דאָרטן געפינען צוואַנציק? האָט ער געזאָגט: איך וועל ניט צעשטערן פון וועגן די צוואַנציק. [32] האָט ער געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, מיין האַר ניט פאַרדריסן, און איך וועל רעדן נאָר דאָס מאָל: טאָמער וועלן זיך דאָרטן געפינען צען? האָט ער געזאָגט: איך וועל ניט צעשטערן פון וועגן די צען.

[33] און גאָט איז אַוועקגעגאַנגען, ווען ער האָט געענדיקט רעדן צו אַברהמען; און אַברהם האָט זיך אומגעקערט צו זיין אָרט.

**יט** [1] און די צוויי מלאָכים זיינען געקומען קיין סדום אין אָוונט; און לוט איז געזעסן אין טויער פון סדום. און לוט האָט זיי דערזען, און ער האָט זיך אויפגעשטעלט זיי אַנטקעגן, און האָט זיך געבוקט מיטן פנים צו דער ערד. [2] און ער האָט צו זיי געזאָגט: זעט, איך בעט אייך, מיינע האַרן, קערט אַיין אין הויז פון אייער קנעכט אויף איבער נאַכט, און וואַשט אייערע פיס; און איר וועט זיך פעדערן, און וועט גיין אויף אייער וועג. האָבן זיי געזאָגט: ניין, נייערט אויף דער גאַס וועלן מיר נעכטיקן. [3] איז ער זייער צוגעשטאַנען צו זיי, און זיי האָבן אַיינגעקערט צו אים, און זיינען אַריינגעגאַנגען אין זיין הויז, און ער האָט פאַר זיי געמאַכט אַ מאָלצייט, און געבאַקן אומגעזייערטע קוכנס, און זיי האָבן געגעסן.

[4] איידער נאָך זיי האָבן זיך געלייגט, האָבן די מענטשן פון שטאָט, די מענטשן פון סדום, אַרומגערינגלט דאָס הויז, פון יונג ביז אַלט, דאָס גאַנצע פאָלק פון עק צו עק. [5] און זיי האָבן גערופן צו לוטן, און האָבן צו אים געזאָגט: ווו זיינען די מענער וואָס זיינען צו דיר געקומען די נאַכט? ברענג זיי אַרויס צו אונדז, מיר זאָלן זיי דערקענען. [6] איז לוט אַרויסגעגאַנגען צו זיי אין אַיינגאַנג, און די טיר האָט ער פאַרשלאָסן הינטער זיך.

אַחֲרָיו׃ וַיֹּאמַר אַל־נָא אַחַי תָּרֵעוּ׃ הִנֵּה־נָא לִי שְׁתֵּי בָנוֹת ח
אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּ אִישׁ אוֹצִיאָה־נָּא אֶתְהֶן אֲלֵיכֶם וַעֲשׂוּ לָהֶן
כַּטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם רַק לָאֲנָשִׁים הָאֵל אַל־תַּעֲשׂוּ דָבָר כִּי־עַל־
כֵּן בָּאוּ בְּצֵל קֹרָתִי׃ וַיֹּאמְרוּ ׀ גֶּשׁ־הָלְאָה וַיֹּאמְרוּ הָאֶחָד ט
בָּא־לָגוּר וַיִּשְׁפֹּט שָׁפוֹט עַתָּה נָרַע לְךָ מֵהֶם וַיִּפְצְרוּ בָאִישׁ
בְּלוֹט מְאֹד וַיִּגְּשׁוּ לִשְׁבֹּר הַדָּלֶת׃ וַיִּשְׁלְחוּ הָאֲנָשִׁים אֶת־ י
יָדָם וַיָּבִיאוּ אֶת־לוֹט אֲלֵיהֶם הַבָּיְתָה וְאֶת־הַדֶּלֶת סָגָרוּ׃
וְאֶת־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־פֶּתַח הַבַּיִת הִכּוּ בַּסַּנְוֵרִים מִקָּטֹן יא
וְעַד־גָּדוֹל וַיִּלְאוּ לִמְצֹא הַפָּתַח׃ וַיֹּאמְרוּ הָאֲנָשִׁים אֶל־ יב
לוֹט עֹד מִי־לְךָ פֹה חָתָן וּבָנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ וְכֹל אֲשֶׁר־לְךָ בָּעִיר
הוֹצֵא מִן־הַמָּקוֹם׃ כִּי־מַשְׁחִתִים אֲנַחְנוּ אֶת־הַמָּקוֹם הַזֶּה יג
כִּי־גָדְלָה צַעֲקָתָם אֶת־פְּנֵי יְהוָה וַיְשַׁלְּחֵנוּ יְהוָה לְשַׁחֲתָהּ׃
וַיֵּצֵא לוֹט וַיְדַבֵּר ׀ אֶל־חֲתָנָיו ׀ לֹקְחֵי בְנֹתָיו וַיֹּאמֶר קוּמוּ יד
צְּאוּ מִן־הַמָּקוֹם הַזֶּה כִּי־מַשְׁחִית יְהוָה אֶת־הָעִיר וַיְהִי
כִמְצַחֵק בְּעֵינֵי חֲתָנָיו׃ וּכְמוֹ הַשַּׁחַר עָלָה וַיָּאִיצוּ הַמַּלְאָכִים טו
בְּלוֹט לֵאמֹר קוּם קַח אֶת־אִשְׁתְּךָ וְאֶת־שְׁתֵּי בְנֹתֶיךָ
הַנִּמְצָאֹת פֶּן־תִּסָּפֶה בַּעֲוֺן הָעִיר׃ וַיִּתְמַהְמָהּ ׀ וַיַּחֲזִיקוּ טז
הָאֲנָשִׁים בְּיָדוֹ וּבְיַד־אִשְׁתּוֹ וּבְיַד שְׁתֵּי בְנֹתָיו בְּחֶמְלַת
יְהוָה עָלָיו וַיֹּצִאֻהוּ וַיַּנִּחֻהוּ מִחוּץ לָעִיר׃ וַיְהִי כְהוֹצִיאָם יז
אֹתָם הַחוּצָה וַיֹּאמֶר הִמָּלֵט עַל־נַפְשֶׁךָ אַל־תַּבִּיט אַחֲרֶיךָ
וְאַל־תַּעֲמֹד בְּכָל־הַכִּכָּר הָהָרָה הִמָּלֵט פֶּן־תִּסָּפֶה׃ וַיֹּאמֶר יח
לוֹט אֲלֵהֶם אַל־נָא אֲדֹנָי׃ הִנֵּה־נָא מָצָא עַבְדְּךָ חֵן בְּעֵינֶיךָ יט
וַתַּגְדֵּל חַסְדְּךָ אֲשֶׁר עָשִׂיתָ עִמָּדִי לְהַחֲיוֹת אֶת־נַפְשִׁי
וְאָנֹכִי לֹא אוּכַל לְהִמָּלֵט הָהָרָה פֶּן־תִּדְבָּקַנִי הָרָעָה וָמַתִּי׃
הִנֵּה־נָא הָעִיר הַזֹּאת קְרֹבָה לָנוּס שָׁמָּה וְהִוא מִצְעָר כ
אִמָּלְטָה נָּא שָׁמָּה הֲלֹא מִצְעָר הִוא וּתְחִי נַפְשִׁי׃ וַיֹּאמֶר כא
אֵלָיו הִנֵּה נָשָׂאתִי פָנֶיךָ גַּם לַדָּבָר הַזֶּה לְבִלְתִּי הָפְכִּי אֶת־

ח׳ סבירין האלה יד׳ צ׳ דגושה יח׳ קדש יט׳ פתח בס״פ כ׳ ג׳ דגושה

7 און ער האָט געזאָגט: איך בעט אַייך, מיינע ברידער, טוט ניט קיין שלעכטס. 8 אָט, איך בעט אַייך, זיינען בײַ מיר צוויי טעכטער וואָס ווייסן ניט פון קיין מאַן, לאָמיך זיי אַרויסברענגען צו אַייך, און טוט מיט זיי ווי עס איז גוט אין אַייערע אויגן, נאָר דידאָזיקע מענער זאָלט איר קיין זאַך ניט טאָן, אַזוי ווי זיי זיינען געקומען אין דעם שאָטן פון מיין דאַך. 9 האָבן זיי געזאָגט: גיי אַוועק! און זיי האָבן געזאָגט: געקומען איינער וווינען, און משפטן וויל ער משפטן! אַצונד וועלן מיר זיך מיט דיר נאָך ערגער באַגיין ווי מיט זיי. און זיי זיינען זייער צוגעשטאַנען צו דעם מאַן, צו לוטן, און האָבן גענענט אַיינצוברעכן די טיר. 10 האָבן די מענער אויסגעשטרעקט זייער האַנט, און אַריינגעבראַכט לוטן צו זיך אין הויז, און די טיר האָבן זיי פאַרשלאָסן. 11 און די לייט וואָס ביים אַיינגאַנג פון הויז האָבן זיי געשלאָגן מיט בלינדקייט פון קליין ביז גרויס, און זיי האָבן ניט געקענט געפינען דעם אַיינגאַנג. 12 און די מענער האָבן געזאָגט צו לוטן: וועמען נאָך האָסטו דאָ? אַן איידים אָדער דיינע זין און דיינע טעכטער, אָדער וועמען נאָר דו האָסט אין דער שטאָט, פיר אַרויס פון דעם אָרט; 13 וואָרום מיר צעשטערן דעמדאָזיקן אָרט, ווייל דאָס געשריי וועגן זיי איז גרויס פאַר גאָט, און גאָט האָט אונדז געשיקט זי צו צעשטערן.

14 איז לוט אַרויסגעגאַנגען, און האָט גערעדט צו זיינע איידימס, די וואָס האָבן גענומען זיינע טעכטער, און ער האָט געזאָגט: שטייט אויף, גייט אַרויס פון דעמדאָזיקן אָרט, וואָרום גאָט צעשטערט די שטאָט. און ער איז געווען ווי איינער וואָס מאַכט שפּאַס אין די אויגן פון זיינע איידימס.

15 און ווי דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען, אַזוי האָבן די מלאָכים געאײַלט לוטן, אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף, נעם דיין ווייב, און דיינע צוויי טעכטער וואָס געפינען זיך דאָ, כּדי זאָלסט ניט אומגעבראַכט ווערן דורך דער זינד פון דער שטאָט. 16 און אַז ער האָט געזאַמט, האָבן די מענער אָנגענומען זיין האַנט, און די האַנט פון זיין ווייב, און די האַנט פון זיינע צוויי טעכטער; פון וועגן גאָטס דערבאַרימונג אויף אים. און זיי האָבן אים אַרויסגעפירט, און האָבן אים געלאָזט אויסן שטאָט. 17 און עס איז געווען, ווי זיי האָבן אים אַרויסגעפירט דרויסן, אַזוי האָט ער געזאָגט: אַנטרין מיט דיין לעבן; זאָלסט זיך ניט אומקוקן הינטער דיר, און זיך ניט אָפּשטעלן אין דער גאַנצער געגנט; אַנטרין צום באַרג, כּדי זאָלסט ניט אומגעבראַכט ווערן. 18 האָט לוט צו זיי געזאָגט: ניט אַזוי, איך בעט אַייך, מיינע האַרן. 19 זע, איך בעט דיך, דיין קנעכט האָט געפונען לײַטזעליקייט אין דיינע אויגן, און האָסט געגרייסט דיין חסד וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר, צו לאָזן לעבן מיין נפש; אָבער איך קען ניט אַנטרינען צום באַרג, וואָרום דאָס בייז וועט מיך נאָך אָניאָגן, און איך וועל שטאַרבן. 20 אָט, איך בעט דיך, איז יענע שטאָט, נאָנט אַהין צו אַנטלויפן, און זי איז אַ קליינס; לאָמיך, איך בעט דיך, אַהין אַנטרינען—זי איז דאָך אַ קליינס—און מיין נפש וועט בלייבן לעבן. 21 האָט ער צו אים געזאָגט: זע, איך שוין דיין פּנים אויך אין דערדאָזיקער זאַך, איך זאָל ניט איבערקערן

די שטאָט וואָס דו האָסט געזאָגט. [22] אײַל זיך, אַנטרין אַהין, וואָרום איך קען ניט טאָן קיין זאַך, ביז דו קומסט אַהין. דרום האָט מען גערופֿן דעם נאָמען פֿון דער שטאָט צוֹעַר[א].

[23] די זון איז געווען אויפֿגעגאַנגען אויף דער ערד, ווען לוט איז אָנגעקומען קיין צוֹעַר. [24] און גאָט האָט גע־מאַכט רעגענען אויף סדום און אויף עֲמוֹרָה שוועבל און פֿײַער, פֿון גאָט, פֿון הימל. [25] און ער האָט איבערגעקערט די דאָזיקע שטעט, און די גאַנצע געגנט, און אַלע באַוווינער פֿון די שטעט, און די שפּראָצונג פֿון דער ערד. [26] און זײַן ווײַב האָט זיך אומגעקוקט פֿון הינטער אים, און איז געוואָרן אַ זײַל זאַלץ.

[27] און אַברהם האָט זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי צו דעם אָרט וואָס ער איז דאָרטן געשטאַנען פֿאַר גאָט. [28] און ער האָט אַראָפּגעקוקט אויף סדום און עֲמוֹרָה, און אויף דעם גאַנצן לאַנד פֿון דער געגנט, און ער האָט געזען, ערשט דער רויך פֿון לאַנד גייט אויף אַזוי ווי דער רויך פֿון אַ קאַלכאויוון.

[29] אַזוי איז געשען, ווען גאָט האָט צעשטערט די שטעט פֿון דער געגנט, אַז גאָט האָט געדאַכט אָן אַברהמען, און האָט אַרויסגעשיקט לוטן פֿון מיטן פֿון דער איבער־קערעניש, בײַם איבערקערן די שטעט וואָס לוט איז אין זיי געזעסן.

[30] און לוט איז אַרויפֿגעגאַנגען פֿון צוֹעַר, און האָט זיך באַזעצט אויפֿן באַרג, און זײַנע צוויי טעכטער מיט אים; וואָרום ער האָט מורא געהאַט צו זיצן אין צוֹעַר; און ער איז געזעסן אין אַ הייל, ער און זײַנע צוויי טעכטער. [31] האָט די עלטערע געזאָגט צו דער ייִנגערער: אונדזער פֿאָטער איז אַלט, און קיין מאַן איז ניטאָ אויף דער ערד צו קומען צו אונדז, אַזוי ווי דער שטייגער פֿון דער גאַנצער ערד. [32] קום, לאָמיר אָנטרינקען אונדזער פֿאָטער מיט ווײַן, און מיר וועלן ליגן מיט אים, און מיר וועלן אויפֿ־האַלטן פֿון אונדזער פֿאָטער אַ זאָמען. [33] האָבן זיי אָנגעטרונקען זייער פֿאָטער מיט ווײַן אין יענער נאַכט, און די עלטערע איז געקומען און איז געלעגן מיט איר פֿאָטער; און ער האָט ניט געוווּסט פֿון איר לייגן זיך אָדער פֿון איר אויפֿ־שטיין. [34] און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט די עלטערע געזאָגט צו דער ייִנגערער: זע, נעכטן בין איך געלעגן מיט מײַן פֿאָטער; לאָמיר אים אָנטרינקען מיט ווײַן אויך די נאַכט, און קום דו ליג מיט אים, און מיר וועלן אויפֿהאַלטן פֿון אונדזער פֿאָטער אַ זאָמען. [35] האָבן זיי אויך אין יענער נאַכט אָנגעטרונקען זייער פֿאָטער מיט ווײַן, און די ייִנגערע איז אויפֿגעשטאַנען און איז געלעגן מיט אים; און ער האָט ניט געוווּסט פֿון איר לייגן זיך אָדער פֿון איר אויפֿשטיין.

[36] און בײדע טעכטער פֿון לוטן זײַנען טראָגעדיק געוואָרן פֿון זייער פֿאָטער. [37] און די עלטערע האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען מוֹאָב; דאָס איז דער פֿאָטער פֿון דעם הײַנטיקן מוֹאָב. [38] און די ייִנגערע, זי אויך האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען בֶּן־עַמִּי; דאָס איז דער פֿאָטער פֿון די הײַנטיקע קינדער פֿון עַמּוֹן.

כב הָעִיר אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ׃ מַהֵר הִמָּלֵט שָׁמָּה כִּי לֹא אוּכַל
לַעֲשׂוֹת דָּבָר עַד־בֹּאֲךָ שָׁמָּה עַל־כֵּן קָרָא שֵׁם־הָעִיר
כג כד צוֹעַר׃ הַשֶּׁמֶשׁ יָצָא עַל־הָאָרֶץ וְלוֹט בָּא צֹעֲרָה׃ וַיהוָה
הִמְטִיר עַל־סְדֹם וְעַל־עֲמֹרָה גָּפְרִית וָאֵשׁ מֵאֵת יְהוָה מִן־
כה הַשָּׁמָיִם׃ וַיַּהֲפֹךְ אֶת־הֶעָרִים הָאֵל וְאֵת כָּל־הַכִּכָּר וְאֵת
כו כָּל־יֹשְׁבֵי הֶעָרִים וְצֶמַח הָאֲדָמָה׃ וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו
כז וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח׃ וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם בַּבֹּקֶר אֶל־הַמָּקוֹם
כח אֲשֶׁר־עָמַד שָׁם אֶת־פְּנֵי יְהוָה׃ וַיַּשְׁקֵף עַל־פְּנֵי סְדֹם
וַעֲמֹרָה וְעַל כָּל־פְּנֵי אֶרֶץ הַכִּכָּר וַיַּרְא וְהִנֵּה עָלָה קִיטֹר
כט הָאָרֶץ כְּקִיטֹר הַכִּבְשָׁן׃ וַיְהִי בְּשַׁחֵת אֱלֹהִים אֶת־עָרֵי
הַכִּכָּר וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים אֶת־אַבְרָהָם וַיְשַׁלַּח אֶת־לוֹט מִתּוֹךְ
ל הַהֲפֵכָה בַּהֲפֹךְ אֶת־הֶעָרִים אֲשֶׁר־יָשַׁב בָּהֵן לוֹט׃ וַיַּעַל
לוֹט מִצּוֹעַר וַיֵּשֶׁב בָּהָר וּשְׁתֵּי בְנֹתָיו עִמּוֹ כִּי יָרֵא לָשֶׁבֶת
לא בְּצוֹעַר וַיֵּשֶׁב בַּמְּעָרָה הוּא וּשְׁתֵּי בְנֹתָיו׃ וַתֹּאמֶר הַבְּכִירָה
אֶל־הַצְּעִירָה אָבִינוּ זָקֵן וְאִישׁ אֵין בָּאָרֶץ לָבוֹא עָלֵינוּ
לב כְּדֶרֶךְ כָּל־הָאָרֶץ׃ לְכָה נַשְׁקֶה אֶת־אָבִינוּ יַיִן וְנִשְׁכְּבָה
לג עִמּוֹ וּנְחַיֶּה מֵאָבִינוּ זָרַע׃ וַתַּשְׁקֶיןָ אֶת־אֲבִיהֶן יַיִן בַּלַּיְלָה
הוּא וַתָּבֹא הַבְּכִירָה וַתִּשְׁכַּב אֶת־אָבִיהָ וְלֹא־יָדַע בְּשִׁכְבָהּ
לד וּבְקוּמָהּ׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַתֹּאמֶר הַבְּכִירָה אֶל־הַצְּעִירָה
הֵן־שָׁכַבְתִּי אֶמֶשׁ אֶת־אָבִי נַשְׁקֶנּוּ יַיִן גַּם־הַלַּיְלָה וּבֹאִי
לה שִׁכְבִי עִמּוֹ וּנְחַיֶּה מֵאָבִינוּ זָרַע׃ וַתַּשְׁקֶיןָ גַּם בַּלַּיְלָה הַהוּא
אֶת־אֲבִיהֶן יָיִן וַתָּקָם הַצְּעִירָה וַתִּשְׁכַּב עִמּוֹ וְלֹא־יָדַע
לו לז בְּשִׁכְבָהּ וּבְקֻמָהּ׃ וַתַּהֲרֶיןָ שְׁתֵּי בְנוֹת־לוֹט מֵאֲבִיהֶן׃ וַתֵּלֶד
הַבְּכִירָה בֵּן וַתִּקְרָא שְׁמוֹ מוֹאָב הוּא אֲבִי־מוֹאָב עַד־
לח הַיּוֹם׃ וְהַצְּעִירָה גַם־הִוא יָלְדָה בֵּן וַתִּקְרָא שְׁמוֹ בֶּן־עַמִּי
הוּא אֲבִי בְנֵי־עַמּוֹן עַד־הַיּוֹם׃ ס

כא׳ פתח בס״פ כה׳ סבירין האלה לג׳ סבירין ההוא נקוד על ו

[א] קליין.

## כ

א וַיִּסַּע מִשָּׁם אַבְרָהָם אַרְצָה הַנֶּגֶב וַיֵּשֶׁב בֵּין־קָדֵשׁ וּבֵין
ב שׁוּר וַיָּגָר בִּגְרָר׃ וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם אֶל־שָׂרָה אִשְׁתּוֹ אֲחֹתִי
ג הִוא וַיִּשְׁלַח אֲבִימֶלֶךְ מֶלֶךְ גְּרָר וַיִּקַּח אֶת־שָׂרָה׃ וַיָּבֹא
אֱלֹהִים אֶל־אֲבִימֶלֶךְ בַּחֲלוֹם הַלָּיְלָה וַיֹּאמֶר לוֹ הִנְּךָ מֵת
ד עַל־הָאִשָּׁה אֲשֶׁר־לָקַחְתָּ וְהִוא בְּעֻלַת בָּעַל׃ וַאֲבִימֶלֶךְ
ה לֹא קָרַב אֵלֶיהָ וַיֹּאמַר אֲדֹנָי הֲגוֹי גַּם־צַדִּיק תַּהֲרֹג׃ הֲלֹא
הוּא אָמַר־לִי אֲחֹתִי הִוא וְהִיא־גַם־הִוא אָמְרָה אָחִי הוּא
ו בְּתָם־לְבָבִי וּבְנִקְיֹן כַּפַּי עָשִׂיתִי זֹאת׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו הָאֱלֹהִים
בַּחֲלֹם גַּם אָנֹכִי יָדַעְתִּי כִּי בְתָם־לְבָבְךָ עָשִׂיתָ זֹּאת וָאֶחְשֹׂךְ
גַּם־אָנֹכִי אוֹתְךָ מֵחֲטוֹ־לִי עַל־כֵּן לֹא־נְתַתִּיךָ לִנְגֹּעַ אֵלֶיהָ׃
ז וְעַתָּה הָשֵׁב אֵשֶׁת־הָאִישׁ כִּי־נָבִיא הוּא וְיִתְפַּלֵּל בַּעַדְךָ
וֶחְיֵה וְאִם־אֵינְךָ מֵשִׁיב דַּע כִּי־מוֹת תָּמוּת אַתָּה וְכָל־אֲשֶׁר־
ח לָךְ׃ וַיַּשְׁכֵּם אֲבִימֶלֶךְ בַּבֹּקֶר וַיִּקְרָא לְכָל־עֲבָדָיו וַיְדַבֵּר
אֶת־כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּאָזְנֵיהֶם וַיִּירְאוּ הָאֲנָשִׁים מְאֹד׃
ט וַיִּקְרָא אֲבִימֶלֶךְ לְאַבְרָהָם וַיֹּאמֶר לוֹ מֶה־עָשִׂיתָ לָּנוּ וּמֶה־
חָטָאתִי לָךְ כִּי־הֵבֵאתָ עָלַי וְעַל־מַמְלַכְתִּי חֲטָאָה גְדֹלָה
י מַעֲשִׂים אֲשֶׁר לֹא־יֵעָשׂוּ עָשִׂיתָ עִמָּדִי׃ וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ
יא אֶל־אַבְרָהָם מָה רָאִיתָ כִּי עָשִׂיתָ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וַיֹּאמֶר
אַבְרָהָם כִּי אָמַרְתִּי רַק אֵין־יִרְאַת אֱלֹהִים בַּמָּקוֹם הַזֶּה
יב וַהֲרָגוּנִי עַל־דְּבַר אִשְׁתִּי׃ וְגַם־אָמְנָה אֲחֹתִי בַת־אָבִי הִוא
יג אַךְ לֹא בַת־אִמִּי וַתְּהִי־לִי לְאִשָּׁה׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר הִתְעוּ
אֹתִי אֱלֹהִים מִבֵּית אָבִי וָאֹמַר לָהּ זֶה חַסְדֵּךְ אֲשֶׁר תַּעֲשִׂי
עִמָּדִי אֶל כָּל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר נָבוֹא שָׁמָּה אִמְרִי־לִי אָחִי
יד הוּא׃ וַיִּקַּח אֲבִימֶלֶךְ צֹאן וּבָקָר וַעֲבָדִים וּשְׁפָחֹת וַיִּתֵּן
טו לְאַבְרָהָם וַיָּשֶׁב לוֹ אֵת שָׂרָה אִשְׁתּוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ
טז הִנֵּה אַרְצִי לְפָנֶיךָ בַּטּוֹב בְּעֵינֶיךָ שֵׁב׃ וּלְשָׂרָה אָמַר

ו׳ חסר א׳ יג׳ קדש

כ [1] און אַברהם האָט אַוועקגעצויגן פֿון דאָרטן צום לאַנד פֿון דָרום, און ער האָט זיך באַזעצט צווישן קָדש און צווישן שור, און האָט געוווינט אין גרר.

[2] און אַברהם האָט געזאָגט אויף זיין ווייב שׂרהן: זי איז מיינע אַ שוועסטער. האָט געשיקט אֲבימֶלֶך דער מלך פֿון גרר, און האָט צוגענומען שׂרהן. [3] איז גאָט געקומען צו אבימֶלֶכן אין אַ חלום פֿון דער נאַכט, און האָט צו אים געזאָגט: זע, וועסט שטאַרבן פֿון וועגן דער פֿרוי וואָס דו האָסט גענומען, וואָרום זי איז די ווייב פֿון אַ מאַן. [4] און אֲבימֶלֶך האָט צו איר ניט גענענט און ער האָט געזאָגט: גאָט, ווילסטו אויך אומשולדיק פֿאָלק הרגען? [5] האָט ער מיר ניט אַליין געזאָגט: זי איז מיינע אַ שוועסטער? און זי, אויך זי האָט געזאָגט: ער איז מיינער אַ ברודער. אין דער ערלעכקייט פֿון מיין האַרצן און אין דער ריינקייט פֿון מיינע הענט האָב איך דאָס געטאָן. [6] האָט גאָט צו אים געזאָגט אין חלום: יאָ, איך ווייס אַז אין דער ערלעכקייט פֿון דיין האַרצן האָסטו דאָס געטאָן, און איך האָב דיך אויך געוואָלט פֿאַרמיידן פֿון זינדיקן צו מיר, דרום האָב איך דיך ניט געלאָזט זיך צורירן צו איר. [7] און אַצונד, קער אום די ווייב פֿון דעם מאַן, וואָרום ער איז אַ נביא, און ער וועט מתפּלל זיין פֿאַר דיר, און וועסט בלייבן לעבן; אויב אָבער דו קערסט זי ניט אום, זיי וויסן אַז שטאַרבן וועסטו שטאַרבן, דו און אַלע וואָס געהערן צו דיר.

[8] האָט אֲבימֶלֶך זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי, און האָט צונויפֿגערופֿן אַלע זיינע קנעכט, און האָט גערעדט אַלע דיזאָזיקע ווערטער אין זייערע אויערן, און די מענטשן האָבן זייער מורא געהאַט. [9] און אֲבימֶלֶך האָט גערופֿן אַברהמען, און האָט צו אים געזאָגט: וואָס האָסטו אונדז געטאָן? און וואָס האָב איך געזינדיקט אַקעגן דיר, וואָס דו האָסט געבראַכט אויף מיר און אויף מיין קיניגרייך אַזאַ גרויסע זינד? מעשׂים וואָס ווערן ניט געטאָן, האָסטו געטאָן צו מיר. [10] און אֲבימֶלֶך האָט געזאָגט צו אַברהמען: וואָס האָסטו איינגעזען, אַז דו האָסט געטאָן דיזאָזיקע זאַך?

[11] האָט אַברהם געזאָגט: ווייל איך האָב געקלערט: פֿאַרוואָר, קיין מורא פֿאַר גאָט איז ניטאָ אין דעמדאָזיקן אָרט, און זיי וועלן מיך הרגען פֿון וועגן מיין ווייב. [12] און זי איז אויך אין דער אמתן מיינע אַ שוועסטער, די טאָכטער פֿון מיין פֿאָטער, נאָר ניט די טאָכטער פֿון מיין מוטער; דרום איז זי מיר געוואָרן פֿאַר אַ ווייב. [13] און עס איז געווען, אַז גאָט האָט מיך פֿאַרוואָגלט פֿון מיין פֿאָטערס הויז, האָב איך צו איר געזאָגט: דאָס זאָל זיין דיין חסד וואָס דו זאָלסט טאָן מיט מיר: אין איטלעכן אָרט, וואָס מיר וועלן אַהין קומען, זאָג אויף מיר: ער איז מיינער אַ ברודער.

[14] האָט אֲבימֶלֶך גענומען שאָף און רינדער, און קנעכט און דינסטן, און האָט געגעבן אַברהמען, און ער האָט אים אומגעקערט זיין ווייב שׂרהן. [15] און אֲבימֶלֶך האָט געזאָגט: אָט איז מיין לאַנד פֿאַר דיר; ווו עס איז גוט אין דיינע אויגן, באַזעץ זיך. [16] און צו שׂרהן האָט ער געזאָגט: אָט האָב איך געגעבן דיין ברודער

הִנֵּה נָתַתִּי אֶלֶף כֶּסֶף לְאָחִיךְ הִנֵּה הוּא־לָךְ כְּסוּת עֵינַיִם
יז לְכֹל אֲשֶׁר אִתָּךְ וְאֵת כֹּל וְנֹכָחַת׃ וַיִּתְפַּלֵּל אַבְרָהָם אֶל־
הָאֱלֹהִים וַיִּרְפָּא אֱלֹהִים אֶת־אֲבִימֶלֶךְ וְאֶת־אִשְׁתּוֹ וְאַמְהֹתָיו
יח וַיֵּלֵדוּ׃ כִּי־עָצֹר עָצַר יְהוָה בְּעַד כָּל־רֶחֶם לְבֵית אֲבִימֶלֶךְ
עַל־דְּבַר שָׂרָה אֵשֶׁת אַבְרָהָם׃ ס

## כא

א וַיהוָה פָּקַד אֶת־שָׂרָה כַּאֲשֶׁר אָמָר וַיַּעַשׂ יְהוָה לְשָׂרָה
ב כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר׃ וַתַּהַר וַתֵּלֶד שָׂרָה לְאַבְרָהָם בֵּן לִזְקֻנָיו
ג לַמּוֹעֵד אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֹתוֹ אֱלֹהִים׃ וַיִּקְרָא אַבְרָהָם אֶת־
ד שֶׁם־בְּנוֹ הַנּוֹלַד־לוֹ אֲשֶׁר־יָלְדָה־לּוֹ שָׂרָה יִצְחָק׃ וַיָּמָל
אַבְרָהָם אֶת־יִצְחָק בְּנוֹ בֶּן־שְׁמֹנַת יָמִים כַּאֲשֶׁר צִוָּה אֹתוֹ
חמ׳ אֱלֹהִים׃ וְאַבְרָהָם בֶּן־מְאַת שָׁנָה בְּהִוָּלֶד לוֹ אֵת יִצְחָק
ו בְּנוֹ׃ וַתֹּאמֶר שָׂרָה צְחֹק עָשָׂה לִי אֱלֹהִים כָּל־הַשֹּׁמֵעַ
ז יִצְחַק־לִי׃ וַתֹּאמֶר מִי מִלֵּל לְאַבְרָהָם הֵינִיקָה בָנִים שָׂרָה
ח כִּי־יָלַדְתִּי בֵן לִזְקֻנָיו׃ וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד וַיִּגָּמַל וַיַּעַשׂ אַבְרָהָם
ט מִשְׁתֶּה גָדוֹל בְּיוֹם הִגָּמֵל אֶת־יִצְחָק׃ וַתֵּרֶא שָׂרָה אֶת־
י בֶּן־הָגָר הַמִּצְרִית אֲשֶׁר־יָלְדָה לְאַבְרָהָם מְצַחֵק׃ וַתֹּאמֶר
לְאַבְרָהָם גָּרֵשׁ הָאָמָה הַזֹּאת וְאֶת־בְּנָהּ כִּי לֹא יִירַשׁ בֶּן־
יא הָאָמָה הַזֹּאת עִם־בְּנִי עִם־יִצְחָק׃ וַיֵּרַע הַדָּבָר מְאֹד בְּעֵינֵי
יב אַבְרָהָם עַל אוֹדֹת בְּנוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־אַבְרָהָם אַל־
יֵרַע בְּעֵינֶיךָ עַל־הַנַּעַר וְעַל־אֲמָתֶךָ כֹּל אֲשֶׁר תֹּאמַר אֵלֶיךָ
יג שָׂרָה שְׁמַע בְּקֹלָהּ כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע׃ וְגַם אֶת־
יד בֶּן־הָאָמָה לְגוֹי אֲשִׂימֶנּוּ כִּי זַרְעֲךָ הוּא׃ וַיַּשְׁכֵּם אַבְרָהָם ׀
בַּבֹּקֶר וַיִּקַּח־לֶחֶם וְחֵמַת מַיִם וַיִּתֵּן אֶל־הָגָר שָׂם עַל־
שִׁכְמָהּ וְאֶת־הַיֶּלֶד וַיְשַׁלְּחֶהָ וַתֵּלֶךְ וַתֵּתַע בְּמִדְבַּר בְּאֵר
טו שָׁבַע׃ וַיִּכְלוּ הַמַּיִם מִן־הַחֵמֶת וַתַּשְׁלֵךְ אֶת־הַיֶּלֶד תַּחַת
טז אַחַד הַשִּׂיחִם׃ וַתֵּלֶךְ וַתֵּשֶׁב לָהּ מִנֶּגֶד הַרְחֵק כִּמְטַחֲוֵי

ח׳ פתח באתנח

טויזנט זילבערשטיק; זע, דאָס איז דיר אַ צודעק פאַר די אויגן אַקעגן אַלע וואָס מיט דיר; און פאַר אַלעמען ביסטו גערעכטפאַרטיקט.

17 און אַברהם האָט מתפלל געווען צו גאָט, און גאָט האָט געהיילט אַבימֶלֶכן, און זיין ווייב, און זיינע דינסטן, און זיי האָבן געבאָרן. 18 וואָרום פאַרשלאָסן האָט גאָט געהאַט פאַרשלאָסן יעטוועדער טראַכט פון אַבימֶלֶכס הויז פון וועגן שׂרה, אַברהמס ווייב.

## כא

1 און גאָט האָט געדאַכט אָן שׂרהן, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט, און גאָט האָט געטאָן צו שׂרהן אַזוי ווי ער האָט גערעדט. 2 און שׂרה איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַברהמען אַ זון אויף זיין עלטער, צו דער צייט וואָס גאָט האָט אים אָנגעזאָגט. 3 און אַברהם האָט גערופן דעם נאָמען פון זיין זון וואָס איז אים געבאָרן געוואָרן, וואָס שׂרה האָט אים געבאָרן, יִצְחָק. 4 און אַברהם האָט געמַלט זיין זון יצחקן צו אַכט טעג, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן. 5 און אַברהם איז געווען הונדערט יאָר אַלט, ווען זיין זון יצחק איז אים געבאָרן געוואָרן.

6 און שׂרה האָט געזאָגט: אַ געלעכטער האָט מיר גאָט געמאַכט; איטלעכער וואָס הערט עס, וועט לאַכן[א] וועגן מיר. 7 און זי האָט געזאָגט: ווער וואָלט געזאָגט אַברהמען: שׂרה וועט קינדער זייגן? אַז איך וועל געבערן אַ זון אויף זיין עלטער?

8 און דאָס קינד איז געוואַקסן, און איז אַנטוווינט געוואָרן, און אַברהם האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט אין דעם טאָג וואָס יצחק איז אַנטוווינט געוואָרן.

9 און שׂרה האָט געזען דעם זון פון הָגָר דער מִצרית, וואָס זי האָט געבאָרן אַברהמען, ווי ער שפּילט זיך. 10 און זי האָט געזאָגט צו אַברהמען: טרייב אַרויס די־דאָזיקע דינסט און איר זון, וואָרום דער זון פון דער־דאָזיקער דינסט וועט ניט ירשען מיט מיין זון, מיט יצחקן.

11 און די זאַך איז געווען זייער שלעכט אין די אויגן פון אַברהמען פון וועגן זיין זון. 12 האָט גאָט געזאָגט צו אַברהמען: זאָל ניט שלעכט זיין אין דיינע אויגן איבער דעם יינגל, און איבער דער דינסט; אַלץ וואָס שׂרה זאָגט דיר, הער זיך איין צו איר קול, וואָרום אויף יצחקן וועט גערופן ווערן דיין זאָמען. 13 אָבער אויך דעם זון פון דער דינסט וועל איך מאַכן פאַר אַ פאָלק, ווייל ער איז דיין זאָמען.

14 האָט אַברהם זיך געפעדערט אין דער פרי, און ער האָט גענומען ברויט און אַ לאָגל וואַסער, און געגעבן צו הָגָרן— אַרויפגעטאָן אויף איר אַקסל—און אויך דאָס קינד, און האָט זי אַוועקגעשיקט; און זי איז אַוועקגעגאַנגען, און האָט אומגע־בלאָנדזשעט אין דעם מדבר פון בְּאֵר־שֶׁבַע. 15 איז דאָס וואַסער אויסגעגאַנגען פון לאָגל, און זי האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס קינד אונטער איינעם פון די ביימלעך, 16 און זי איז אַוועק און האָט זיך געזעצט אַקעגנאיבער פאַר אַ בויגנשאָס ווייט,

[א] יִצְחָק.

קֶשֶׁת כִּי אָמְרָה אַל־אֶרְאֶה בְּמוֹת הַיָּלֶד וַתֵּשֶׁב מִנֶּגֶד
וַתִּשָּׂא אֶת־קֹלָהּ וַתֵּבְךְּ׃ וַיִּשְׁמַע אֱלֹהִים אֶת־קוֹל הַנַּעַר
וַיִּקְרָא מַלְאַךְ אֱלֹהִים ׀ אֶל־הָגָר מִן־הַשָּׁמַיִם וַיֹּאמֶר לָהּ
מַה־לָּךְ הָגָר אַל־תִּירְאִי כִּי־שָׁמַע אֱלֹהִים אֶל־קוֹל הַנַּעַר
בַּאֲשֶׁר הוּא־שָׁם׃ קוּמִי שְׂאִי אֶת־הַנַּעַר וְהַחֲזִיקִי אֶת־ יח
יָדֵךְ בּוֹ כִּי־לְגוֹי גָּדוֹל אֲשִׂימֶנּוּ׃ וַיִּפְקַח אֱלֹהִים אֶת־עֵינֶיהָ יט
וַתֵּרֶא בְּאֵר מָיִם וַתֵּלֶךְ וַתְּמַלֵּא אֶת־הַחֵמֶת מַיִם וַתַּשְׁקְ
אֶת־הַנָּעַר׃ וַיְהִי אֱלֹהִים אֶת־הַנַּעַר וַיִּגְדָּל וַיֵּשֶׁב בַּמִּדְבָּר כ
וַיְהִי רֹבֶה קַשָּׁת׃ וַיֵּשֶׁב בְּמִדְבַּר פָּארָן וַתִּקַּח־לוֹ אִמּוֹ אִשָּׁה כא
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ פ
וַיְהִי בָּעֵת הַהִוא וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ וּפִיכֹל שַׂר־צְבָאוֹ אֶל־ ששי
אַבְרָהָם לֵאמֹר אֱלֹהִים עִמְּךָ בְּכֹל אֲשֶׁר־אַתָּה עֹשֶׂה׃
וְעַתָּה הִשָּׁבְעָה לִּי בֵאלֹהִים הֵנָּה אִם־תִּשְׁקֹר לִי וּלְנִינִי כג
וּלְנֶכְדִּי כַּחֶסֶד אֲשֶׁר עָשִׂיתִי עִמְּךָ תַּעֲשֶׂה עִמָּדִי וְעִם־
הָאָרֶץ אֲשֶׁר־גַּרְתָּה בָּהּ׃ וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם אָנֹכִי אִשָּׁבֵעַ׃ כד
וְהוֹכִחַ אַבְרָהָם אֶת־אֲבִימֶלֶךְ עַל־אֹדוֹת בְּאֵר הַמַּיִם אֲשֶׁר כה
גָּזְלוּ עַבְדֵי אֲבִימֶלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ לֹא יָדַעְתִּי מִי כו
עָשָׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וְגַם־אַתָּה לֹא־הִגַּדְתָּ לִּי וְגַם אָנֹכִי
לֹא שָׁמַעְתִּי בִּלְתִּי הַיּוֹם׃ וַיִּקַּח אַבְרָהָם צֹאן וּבָקָר וַיִּתֵּן כז
לַאֲבִימֶלֶךְ וַיִּכְרְתוּ שְׁנֵיהֶם בְּרִית׃ וַיַּצֵּב אַבְרָהָם אֶת־ כח
שֶׁבַע כִּבְשֹׂת הַצֹּאן לְבַדְּהֶן׃ וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ אֶל־אַבְרָהָם כט
מָה הֵנָּה שֶׁבַע כְּבָשֹׂת הָאֵלֶּה אֲשֶׁר הִצַּבְתָּ לְבַדָּנָה׃
וַיֹּאמֶר כִּי אֶת־שֶׁבַע כְּבָשֹׂת תִּקַּח מִיָּדִי בַּעֲבוּר תִּהְיֶה־לִּי ל
לְעֵדָה כִּי חָפַרְתִּי אֶת־הַבְּאֵר הַזֹּאת׃ עַל־כֵּן קָרָא לַמָּקוֹם לא
הַהוּא בְּאֵר שָׁבַע כִּי שָׁם נִשְׁבְּעוּ שְׁנֵיהֶם׃ וַיִּכְרְתוּ בְרִית לב
בִּבְאֵר שָׁבַע וַיָּקָם אֲבִימֶלֶךְ וּפִיכֹל שַׂר־צְבָאוֹ וַיָּשֻׁבוּ אֶל־
אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים׃ וַיִּטַּע אֶשֶׁל בִּבְאֵר שָׁבַע וַיִּקְרָא־שָׁם בְּשֵׁם לג
יְהוָה אֵל עוֹלָם׃ וַיָּגָר אַבְרָהָם בְּאֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים יָמִים רַבִּים׃ פ לד

וואָרום זי האָט געזאָגט: לאָמיך ניט זען ווי דאָס קינד שטאַרבט. און זי איז געזעסן אַקעגנאיבער, און האָט אויפגעהויבן איר קול און האָט געוויינט. 17 האָט גאָט געהערט דעם קול פון דעם יינגל, און אַ מלאך פון גאָט האָט גערופן צו הָגָרן פון הימל, און האָט צו איר געזאָגט: וואָס איז דיר, הָגָר? זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרום גאָט האָט צוגעהערט צו דעם קול פון דעם יינגל אַוו ער איז דאָרט. 18 שטיי אויף, הייב אויף דעם יינגל, און האַלט אים צו מיט דיין האַנט; וואָרום פאַר אַ גרויס פאָלק וועל איך אים מאַכן.

19 און גאָט האָט אויפגעעפנט אירע אויגן, און זי האָט דערזען אַ ברונעם וואַסער, און זי איז געגאַנגען און האָט אָנגעפילט דעם לאָגל מיט וואַסער, און געגעבן טרינקען דעם יינגל.

20 און גאָט איז געווען מיטן יינגל, און ער איז אויפגעוואַקסן, און איז געזעסן אין מדבר, און איז געווען אַ בויגנשיסער. 21 און ער איז געזעסן אין מדבר פּאָרָן; און זיין מוטער האָט אים גענומען אַ ווייב פון לאַנד מִצְרַיִם.

22 און עס איז געווען אין יענער צייט, האָט אַבימֶלֶך און פיכול דער האַר פון זיין חיל געזאָגט צו אַברהמען, אַזוי צו זאָגן: גאָט איז מיט דיר אין אַלץ וואָס דו טוסט; 23 דרום שווער מיר דאָ אַצונד ביי גאָט, אויב דו וועסט פעלשן אָן מיר, אָדער אָן מיין זון, אָדער אָן מיין אייניקל; אַזוי ווי דער חסד וואָס איך האָב געטאָן מיט דיר, זאָלסטו טאָן מיט מיר, און מיט דעם לאַנד וואָס דו האָסט זיך אויפגעהאַלטן דרינען.

24 האָט אַברהם געזאָגט: איך וועל שווערן. 25 אָבער אַברהם האָט פאָרגעהאַלטן אַבימֶלֶכן וועגן דעם ברונעם וואַסער, וואָס די קנעכט פון אַבימֶלֶכן האָבן געגזלט. 26 האָט אַבימֶלֶך געזאָגט: איך ווייס ניט ווער עס האָט געטאָן דידאָזיקע זאַך; וואָרום ניט דו האָסט מיר צומאָל דערציילט, און ניט איך האָב עס צומאָל געהערט אַחוץ היינט.

27 האָט אַברהם גענומען שאָף און רינדער, און געגעבן אַבימֶלֶכן, און זיי האָבן ביידע געשלאָסן אַ בונד. 28 און אַברהם האָט אַוועקגעשטעלט זיבן לעמער פון די שאָף באַזונדער. 29 האָט אַבימֶלֶך געזאָגט צו אַברהמען: וואָס זיינען דידאָזיקע לעמער, וואָס דו האָסט אַוועקגעשטעלט באַזונדער? 30 האָט ער געזאָגט: פאַרוואָר, די זיבן לעמער מוסטו נעמען פון מיין האַנט, כדי דאָס זאָל מיר זיין צום עדות, אַז איך האָב געגראָבן דעמדאָזיקן ברונעם. 31 דרום האָט מען גערופן יענעם אָרט באֵר־שֶׁבַע, ווייל דאָרטן האָבן זיי ביידע זיך געגעבן אַ שבועה.

32 אַזוי האָבן זיי געשלאָסן אַ בונד אין באֵר־שֶׁבַע; און אַבימֶלֶך און פיכול דער האַר פון זיין חיל זיינען אויפגעשטאַנען, און האָבן זיך אומגעקערט אין לאַנד פון די פְּלִשְׁתִּים. 33 און ער האָט געפלאַנצט אַ טאַמאַריסקנבוים אין באֵר־שֶׁבַע, און האָט דאָרטן גערופן צו דעם נאָמען פון יהוה, דעם אייביקן גאָט.

34 און אַברהם האָט זיך אויפגעהאַלטן אין לאַנד פון די פְּלִשְׁתִּים פיל טעג.

## כב

שב׳ ויהי אחר הדברים האלה והאלהים נסה את־אברהם
ב ויאמר אליו אברהם ויאמר הנני: ויאמר קח־נא את־
בנך את־יחידך אשר־אהבת את־יצחק ולך־לך אל־ארץ
המריה והעלהו שם לעלה על אחד ההרים אשר אמר
ג אליך: וישכם אברהם בבקר ויחבש את־חמרו ויקח
את־שני נעריו אתו ואת יצחק בנו ויבקע עצי עלה ויקם
ד וילך אל־המקום אשר־אמר־לו האלהים: ביום השלישי
ה וישא אברהם את־עיניו וירא את־המקום מרחק: ויאמר
אברהם אל־נעריו שבו־לכם פה עם־החמור ואני והנער
ו נלכה עד־כה ונשתחוה ונשובה אליכם: ויקח אברהם
את־עצי העלה וישם על־יצחק בנו ויקח בידו את־האש
ז ואת־המאכלת וילכו שניהם יחדו: ויאמר יצחק אל־
אברהם אביו ויאמר אבי ויאמר הנני בני ויאמר הנה
ח האש והעצים ואיה השה לעלה: ויאמר אברהם אלהים
ט יראה־לו השה לעלה בני וילכו שניהם יחדו: ויבאו
אל־המקום אשר אמר־לו האלהים ויבן שם אברהם
את־המזבח ויערך את־העצים ויעקד את־יצחק בנו וישם
י אתו על־המזבח ממעל לעצים: וישלח אברהם את־
יא ידו ויקח את־המאכלת לשחט את־בנו: ויקרא אליו
מלאך יהוה מן־השמים ויאמר אברהם ׀ אברהם ויאמר
יב הנני: ויאמר אל־תשלח ידך אל־הנער ואל־תעש לו
מאומה כי ׀ עתה ידעתי כי־ירא אלהים אתה ולא חשכת
יג את־בנך את־יחידך ממני: וישא אברהם את־עיניו וירא
והנה־איל אחר נאחז בסבך בקרניו וילך אברהם ויקח
יד את־האיל ויעלהו לעלה תחת בנו: ויקרא אברהם שם־
המקום ההוא יהוה ׀ יראה אשר יאמר היום בהר יהוה

ו׳ ז׳ סגול באתנח

**כב** [1] און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעעניש, האָט גאָט געפּרוּווט אַברהמען, און האָט צו אים געזאָגט: אַברהם! האָט ער געענטפערט: דאָ בין איך. [2] האָט ער געזאָגט: נעם דיין זון, דיין איינאיינציקן, וואָס דו האָסט ליב, יצחקן, און גיי דיר קיין לאַנד מוֹרִיָה, און ברענג אים אויף דאָרטן פאַר אַ בראַנדאָפּפער אויף איינעם פון די בערג וואָס איך וועל דיר זאָגן.

[3] האָט אַברהם זיך געפעדערט אין דער פרי, און ער האָט אָנגעזאָטלט זיין אייזל, און גענומען מיט זיך זיינע צוויי יונגען, און זיין זון יצחקן; און ער האָט צעהאַקט דאָס האָלץ פאַרן בראַנדאָפּפער, און ער איז אויפגעשטאַנען, און איז געגאַנגען צו דעם אָרט וואָס גאָט האָט אים געזאָגט.

[4] אויפן דריטן טאָג האָט אַברהם אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט דערזען דעם אָרט פון ווייטן. [5] און אַברהם האָט געזאָגט צו זיינע יונגען: בלייבט אייך דאָ מיטן אייזל, און איך און דער יינגל וועלן גיין ביז אַהין, און מיר וועלן זיך בוקן, און זיך אומקערן צו אייך.

[6] און אַברהם האָט גענומען דאָס האָלץ פאַרן בראַנדאָפּפער, און אַרויפגעטאָן אויף זיין זון יצחקן, און ער האָט גענומען אין זיין האַנט דאָס פייער און דעם שלאַכטמעסער, און זיי זיינען ביידע געגאַנגען באַנאַנד. [7] האָט יצחק זיך אָפּגערופן צו זיין פאָטער אַברהמען, און האָט געזאָגט: מיין פאָטער! האָט ער געענטפערט: דאָ בין איך, מיין זון. האָט ער געזאָגט: אָט איז דאָס פייער און דאָס האָלץ, און ווו איז דאָס לאַם פאַר אַ בראַנדאָפּפער? [8] האָט אַברהם געזאָגט: גאָט וועט זיך שוין זען אַ לאַם פאַר אַ בראַנדאָפּפער, מיין זון. און זיי זיינען ביידע געגאַנגען באַנאַנד.

[9] און זיי זיינען געקומען צו דעם אָרט וואָס גאָט האָט אים געזאָגט; און אַברהם האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח, און האָט אויסגעלייגט דאָס האָלץ, און ער האָט געבונדן זיין זון יצחקן, און אים אַרויפגעטאָן אויפן מזבח, איבערן האָלץ. [10] און אַברהם האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און האָט גענומען דעם שלאַכטמעסער צו שעכטן זיין זון.

[11] האָט אַ מלאך פון גאָט גערופן צו אים פון הימל, און האָט געזאָגט: אַברהם! אַברהם! האָט ער געענטפערט: דאָ בין איך. [12] האָט ער געזאָגט: זאָלסט ניט אויסשטרעקן דיין האַנט אויפן יינגל, און זאָלסט אים גאָרנישט טאָן; וואָרום אַצונד ווייס איך אַז דו ביסט גאָטספאַרכטיק, אַז דו האָסט ניט פאַרמיטן דיין זון, דיין איינאיינציקן, פון מיר.

[13] האָט אַברהם אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט דערזען ערשט הינטן האָט אַ ווידער זיך איינגעדרייט אין אַ געצוויג מיט זיינע הערנער. איז אַברהם געגאַנגען, און האָט גענומען דעם ווידער, און האָט אים אויפגעבראַכט פאַר אַ בראַנדאָפּפער אָנשטאָט זיין זון. [14] און אַברהם האָט גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט יהוה־יִראֶה[א]; אַזוי ווי עס ווערט נאָך היינט געזאָגט: אויף דעם באַרג פון יהוה ווערט געזען.

א יהוה זעט, זע פסוק 8.

יֵרָאֶה׃ וַיִּקְרָא מַלְאַךְ יְהוָה אֶל־אַבְרָהָם שֵׁנִית מִן־הַשָּׁמָיִם׃ טו
וַיֹּאמֶר בִּי נִשְׁבַּעְתִּי נְאֻם־יְהוָה כִּי יַעַן אֲשֶׁר עָשִׂיתָ אֶת־ טז
הַדָּבָר הַזֶּה וְלֹא חָשַׂכְתָּ אֶת־בִּנְךָ אֶת־יְחִידֶךָ׃ כִּי־בָרֵךְ יז
אֲבָרֶכְךָ וְהַרְבָּה אַרְבֶּה אֶת־זַרְעֲךָ כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם וְכַחוֹל
אֲשֶׁר עַל־שְׂפַת הַיָּם וְיִרַשׁ זַרְעֲךָ אֵת שַׁעַר אֹיְבָיו׃ וְהִתְבָּרְכוּ יח
בְזַרְעֲךָ כֹּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ עֵקֶב אֲשֶׁר שָׁמַעְתָּ בְּקֹלִי׃ וַיָּשָׁב יט
אַבְרָהָם אֶל־נְעָרָיו וַיָּקֻמוּ וַיֵּלְכוּ יַחְדָּו אֶל־בְּאֵר שָׁבַע
וַיֵּשֶׁב אַבְרָהָם בִּבְאֵר שָׁבַע׃ פ
וַיְהִי אַחֲרֵי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיֻּגַּד לְאַבְרָהָם לֵאמֹר הִנֵּה מפ׳
יָלְדָה מִלְכָּה גַם־הִוא בָּנִים לְנָחוֹר אָחִיךָ׃ אֶת־עוּץ בְּכֹרוֹ כא
וְאֶת־בּוּז אָחִיו וְאֶת־קְמוּאֵל אֲבִי אֲרָם׃ וְאֶת־כֶּשֶׂד וְאֶת־חֲזוֹ כב
וְאֶת־פִּלְדָּשׁ וְאֶת־יִדְלָף וְאֵת בְּתוּאֵל׃ וּבְתוּאֵל יָלַד אֶת־ כג
רִבְקָה שְׁמֹנָה אֵלֶּה יָלְדָה מִלְכָּה לְנָחוֹר אֲחִי אַבְרָהָם׃
וּפִילַגְשׁוֹ וּשְׁמָהּ רְאוּמָה וַתֵּלֶד גַּם־הִוא אֶת־טֶבַח וְאֶת־ כד
גַּחַם וְאֶת־תַּחַשׁ וְאֶת־מַעֲכָה׃ פ

[15] און דער מלאך פון גאָט האָט גערופן צו אַברהמען אַ צווייט מאָל פון הימל, [16] און האָט געזאָגט: איך שווער ביי זיך, זאָגט גאָט, אַז ווייל דו האָסט געטאָן דידאָזיקע זאַך, און האָסט ניט פאַרמיטן דיין זון, דיין איינאיינציקן, [17] איז, בענטשן וועל איך דיך בענטשן, און מערן וועל איך מערן דיין זאָמען אַזוי ווי די שטערן פון הימל, און אַזוי ווי דער זאַמד וואָס אויפן ברעג פון ים; און דיין זאָמען וועט אַרבן דעם טויער פון זיינע פיינט. [18] און בענטשן וועלן זיך מיט דיין זאָמען אַלע פעלקער פון דער ערד, דערפאַר וואָס דו האָסט צוגעהערט צו מיין קָול.

[19] און אַברהם האָט זיך אומגעקערט צו זיינע יונגען, און זיי זיינען אויפגעשטאַנען, און זיינען געגאַנגען באַנאַנד קיין באֵר־שֶׁבַע. און אַברהם איז געבליבן אין באֵר־שֶׁבַע.

[20] און עס איז געווען נאָך דידאָזיקע געשעענישן, איז אָנגעזאָגט געוואָרן אַברהמען, אַזוי צו זאָגן: זע, מִלכָּה, זי אויך האָט געבאָרן זין צו דיין ברודער נָחורן: [21] עוּץ זיין בְּכור, און בוּז זיין ברודער, און קמואֵל דעם פאָטער פון אַרָם, [22] און כֶּשֶׂדן, און חֲזון, און פִּלְדָשן, און יִדְלָפן, און בתואֵלן. [23] און בתואֵל האָט געבאָרן רבקהן. דידאָזיקע אַכט האָט מִלכָּה געבאָרן צו נָחור, אַברהמס ברודער. [24] און זיין קעפסווייב וואָס איר נאָמען איז געווען רְאומָה, זי אויך האָט געבאָרן טֶבַחן, און גַחמען, און תַּחַשן, און מַעֲכָהן.

# חַיֵּי שָׂרָה

כג
וַיִּהְיוּ חַיֵּי שָׂרָה מֵאָה שָׁנָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וְשֶׁבַע שָׁנִים א
שְׁנֵי חַיֵּי שָׂרָה׃ וַתָּמָת שָׂרָה בְּקִרְיַת אַרְבַּע הִוא חֶבְרוֹן ב
בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וַיָּבֹא אַבְרָהָם לִסְפֹּד לְשָׂרָה וְלִבְכֹּתָהּ׃
וַיָּקָם אַבְרָהָם מֵעַל פְּנֵי מֵתוֹ וַיְדַבֵּר אֶל־בְּנֵי־חֵת לֵאמֹר׃ ג
גֵּר־וְתוֹשָׁב אָנֹכִי עִמָּכֶם תְּנוּ לִי אֲחֻזַּת־קֶבֶר עִמָּכֶם וְאֶקְבְּרָה ד
מֵתִי מִלְּפָנָי׃ וַיַּעֲנוּ בְנֵי־חֵת אֶת־אַבְרָהָם לֵאמֹר לוֹ׃ שְׁמָעֵנוּ ה
אֲדֹנִי נְשִׂיא אֱלֹהִים אַתָּה בְּתוֹכֵנוּ בְּמִבְחַר קְבָרֵינוּ קְבֹר ו
אֶת־מֵתֶךָ אִישׁ מִמֶּנּוּ אֶת־קִבְרוֹ לֹא־יִכְלֶה מִמְּךָ מִקְּבֹר
מֵתֶךָ׃ וַיָּקָם אַבְרָהָם וַיִּשְׁתַּחוּ לְעַם־הָאָרֶץ לִבְנֵי־חֵת׃ ז
וַיְדַבֵּר אִתָּם לֵאמֹר אִם־יֵשׁ אֶת־נַפְשְׁכֶם לִקְבֹּר אֶת־מֵתִי ח

כג,ב׳ כ״ף זעירא

כג [1] און דאָס לעבן פון שרהן איז געווען הונדערט און זיבן יאָר און צוואַנציק יאָר; דאָס זיינען געווען די יאָרן פון שרהס לעבן. [2] און שרה איז געשטאָרבן אין קִרְיַת־אַרבַּע, דאָס איז חֶברון, אין לאַנד כּנַעַן. און אַברהם איז געקומען צו קלאָגן אויף שרהן און זי צו באַוויינען.

[3] און אַברהם איז אויפגעשטאַנען פון פאַר זיין טויטן, און ער האָט גערעדט צו די קינדער פון חֵת, אַזוי צו זאָגן: [4] אַ פרעמדער אָבער אַ תּושב בין איך ביי אַייך, גיט מיר אַ קבר־אייגנטום ביי אַייך, און איך וועל באַגראָבן מיין טויטן פון פאַר מיר.

[5] האָבן די קינדער פון חֵת געענטפערט אַברהמען, אים אַזוי צו זאָגן: [6] הער אונדז צו, מיין האַר, אַ געטלעכער פירשט ביסטו צווישן אונדז; אין דעם געקליבנסטן פון אונדזערע קברים באַגראָב דיין טויטן; קיינער פון אונדז וועט ניט פאַרמיידן זיין קבר פון דיר, אויף צו באַגראָבן דיין טויטן.

[7] איז אַברהם אויפגעשטאַנען, און האָט זיך געבוקט צו דעם פאָלק פון לאַנד, צו די קינדער פון חֵת. [8] און ער האָט צו זיי גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אויב עס איז אַייער ווילן צו באַגראָבן מיין טויטן פון פאַר מיר,

ט מִלְּפָנַי שְׁמָעוּנִי וּפִגְעוּ־לִי בְּעֶפְרוֹן בֶּן־צֹחַר׃ וְיִתֶּן־לִי אֶת־
מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה אֲשֶׁר־לוֹ אֲשֶׁר בִּקְצֵה שָׂדֵהוּ בְּכֶסֶף
י מָלֵא יִתְּנֶנָּה לִּי בְּתוֹכְכֶם לַאֲחֻזַּת־קָבֶר׃ וְעֶפְרוֹן יֹשֵׁב בְּתוֹךְ
בְּנֵי־חֵת וַיַּעַן עֶפְרוֹן הַחִתִּי אֶת־אַבְרָהָם בְּאָזְנֵי בְנֵי־חֵת
יא לְכֹל בָּאֵי שַׁעַר־עִירוֹ לֵאמֹר׃ לֹא־אֲדֹנִי שְׁמָעֵנִי הַשָּׂדֶה
נָתַתִּי לָךְ וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר־בּוֹ לְךָ נְתַתִּיהָ לְעֵינֵי בְנֵי־עַמִּי
יב נְתַתִּיהָ לָּךְ קְבֹר מֵתֶךָ׃ וַיִּשְׁתַּחוּ אַבְרָהָם לִפְנֵי עַם־הָאָרֶץ׃
יג וַיְדַבֵּר אֶל־עֶפְרוֹן בְּאָזְנֵי עַם־הָאָרֶץ לֵאמֹר אַךְ אִם־אַתָּה
לוּ שְׁמָעֵנִי נָתַתִּי כֶּסֶף הַשָּׂדֶה קַח מִמֶּנִּי וְאֶקְבְּרָה אֶת־
יד מֵתִי שָׁמָּה׃ וַיַּעַן עֶפְרוֹן אֶת־אַבְרָהָם לֵאמֹר לוֹ׃ אֲדֹנִי
טו שְׁמָעֵנִי אֶרֶץ אַרְבַּע מֵאֹת שֶׁקֶל־כֶּסֶף בֵּינִי וּבֵינְךָ מַה־
טז הִוא וְאֶת־מֵתְךָ קְבֹר׃ וַיִּשְׁמַע אַבְרָהָם אֶל־עֶפְרוֹן וַיִּשְׁקֹל
אַבְרָהָם לְעֶפְרֹן אֶת־הַכֶּסֶף אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּאָזְנֵי בְנֵי־חֵת
שני אַרְבַּע מֵאוֹת שֶׁקֶל כֶּסֶף עֹבֵר לַסֹּחֵר׃ וַיָּקָם ׀ שְׂדֵה עֶפְרוֹן
אֲשֶׁר בַּמַּכְפֵּלָה אֲשֶׁר לִפְנֵי מַמְרֵא הַשָּׂדֶה וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר־
יח בּוֹ וְכָל־הָעֵץ אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה אֲשֶׁר בְּכָל־גְּבֻלוֹ סָבִיב׃ לְאַבְרָהָם
יט לְמִקְנָה לְעֵינֵי בְנֵי־חֵת בְּכֹל בָּאֵי שַׁעַר־עִירוֹ׃ וְאַחֲרֵי־כֵן
קָבַר אַבְרָהָם אֶת־שָׂרָה אִשְׁתּוֹ אֶל־מְעָרַת שְׂדֵה הַמַּכְפֵּלָה
כ עַל־פְּנֵי מַמְרֵא הִוא חֶבְרוֹן בְּאֶרֶץ כְּנָעַן׃ וַיָּקָם הַשָּׂדֶה
וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר־בּוֹ לְאַבְרָהָם לַאֲחֻזַּת־קָבֶר מֵאֵת בְּנֵי־חֵת׃ ס

כד

א וְאַבְרָהָם זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַיהוָה בֵּרַךְ אֶת־אַבְרָהָם בַּכֹּל׃
ב וַיֹּאמֶר אַבְרָהָם אֶל־עַבְדּוֹ זְקַן בֵּיתוֹ הַמֹּשֵׁל בְּכָל־אֲשֶׁר־
ג לוֹ שִׂים־נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי׃ וְאַשְׁבִּיעֲךָ בַּיהוָה אֱלֹהֵי
הַשָּׁמַיִם וֵאלֹהֵי הָאָרֶץ אֲשֶׁר לֹא־תִקַּח אִשָּׁה לִבְנִי מִבְּנוֹת
ד הַכְּנַעֲנִי אֲשֶׁר אָנֹכִי יוֹשֵׁב בְּקִרְבּוֹ׃ כִּי אֶל־אַרְצִי וְאֶל־
ה מוֹלַדְתִּי תֵּלֵךְ וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי לְיִצְחָק׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו
הָעֶבֶד אוּלַי לֹא־תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָלֶכֶת אַחֲרַי אֶל־הָאָרֶץ

הערט מיך צו, און בעט פֿאַר מיר בײַ עֶפרון דעם זון פֿון צוחַרן, 9 ער זאָל מיר געבן די הייל פֿון מַכפֵּלָה וואָס געהערט צו אים, וואָס אין עק פֿון זיין פֿעלד; אין פֿולן געלט זאָל ער עס מיר געבן צווישן אײַך פֿאַר אַ קבֿר־אייגנטום.

10 און עֶפרון איז געזעסן צווישן די קינדער פֿון חֵת; האָט עֶפרון דער חִתּי געענטפֿערט אַברהמען אין די אויערן פֿון די קינדער פֿון חֵת, פֿאַר אַלע אײַנגייער אין דעם טויער פֿון זיין שטאָט, אַזוי צו זאָגן: 11 ניין, מיין האַר, הער מיך צו: דאָס פֿעלד שענק איך דיר, אויך די הייל וואָס דרינען שענק איך דיר; פֿאַר די אויגן פֿון די קינדער פֿון מיין פֿאָלק שענק איך עס דיר; באַגראָב דיין טויטן.

12 האָט אַברהם זיך געבוקט פֿאַר דעם פֿאָלק פֿון לאַנד, 13 און ער האָט גערעדט צו עֶפרונען אין די אויערן פֿון דעם פֿאָלק פֿון לאַנד, אַזוי צו זאָגן: ווען דו וואָלסט מיך נאָר צוהערן! איך גיב דאָס געלט פֿאַרן פֿעלד, נעם עס פֿון מיר, און איך וועל דאָרטן באַגראָבן מיין טויטן.

14 האָט עֶפרון געענטפֿערט אַברהמען, אים אַזוי צו זאָגן: 15 הער מיך צו, מיין האַר, לאַנד אין פֿיר הונדערט שֶקל זילבער, וואָס איז דאָס צווישן מיר און צווישן דיר? און דיין טויטן באַגראָב.

16 האָט אַברהם צוגעהערט צו עֶפרונען, און אַברהם האָט אָפּגעוווגן עֶפרונען דאָס זילבער, וואָס ער האָט געזאָגט אין די אויערן פֿון די קינדער פֿון חֵת, פֿיר הונדערט שֶקל זילבער, גאַנגבאַר בײַם סוחר. 17 אַזוי איז געבליבן דאָס פֿעלד פֿון עֶפרונען, וואָס אין מַכפֵּלָה, וואָס פֿאַר מַמרֵא, דאָס פֿעלד מיט דער הייל וואָס דרינען, און אַלע ביימער וואָס אויפֿן פֿעלד, וואָס אין זיין גאַנצן גע־מאַרק רונד אַרום, 18 דער אײַנקויף פֿון אַברהמען, פֿאַר די אויגן פֿון די קינדער פֿון חֵת, פֿאַר אַלע אײַנגייער אין דעם טויער פֿון זיין שטאָט. 19 און דערנאָך האָט אַברהם באַגראָבן זיין ווייב שׂרהן אין דער הייל פֿון דעם פֿעלד פֿון מַכפֵּלָה פֿאַר מַמרֵא, דאָס איז חֶברון, אין לאַנד כּנַעַן. 20 אַזוי איז געבליבן דאָס פֿעלד, און די הייל וואָס דרינען, בײַ אַברהמען פֿאַר אַ קבֿר־אייגנטום, פֿון די קינדער פֿון חֵת.

כד 1 און אַברהם איז געוואָרן אַלט און באַטאָגט; און גאָט האָט געבענטשט אַברהמען מיט אַלצדינג. 2 האָט אַברהם געזאָגט צו זיין קנעכט, דעם עלטסטן פֿון זיין הויז, וואָס האָט געוועלטיקט איבער אַלץ וואָס ער האָט געהאַט: טו, איך בעט דיך, דיין האַנט אונטער מיין דיך, 3 און איך וועל דיך באַשווערן בײַ יהוה דעם גאָט פֿון הימל און דעם גאָט פֿון דער ערד, אַז דו זאָלסט ניט נעמען אַ ווייב פֿאַר מיין זון פֿון די טעכטער פֿון דעם כּנַעֲני וואָס איך זיץ צווישן אים. 4 נייערט צו מיין לאַנד און צו מיין אָפּשטאַם זאָלסטו גיין, און נעמען אַ ווייב פֿאַר מיין זון, פֿאַר יצחקן.

5 האָט דער קנעכט צו אים געזאָגט: טאָמער וועט די פֿרוי ניט וועלן גיין נאָך מיר אין דעם היגן לאַנד;

הַזֹּאת הֶהָשֵׁב אָשִׁיב אֶת־בִּנְךָ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יָצָאתָ
מִשָּׁם׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְרָהָם הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן־תָּשִׁיב אֶת־ ו
בְּנִי שָׁמָּה׃ יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי הַשָּׁמַיִם אֲשֶׁר לְקָחַנִי מִבֵּית ז
אָבִי וּמֵאֶרֶץ מוֹלַדְתִּי וַאֲשֶׁר דִּבֶּר־לִי וַאֲשֶׁר נִשְׁבַּע־לִי
לֵאמֹר לְזַרְעֲךָ אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת הוּא יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ
לְפָנֶיךָ וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי מִשָּׁם׃ וְאִם־לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה ח
לָלֶכֶת אַחֲרֶיךָ וְנִקִּיתָ מִשְּׁבֻעָתִי זֹאת רַק אֶת־בְּנִי לֹא תָשֵׁב
שָׁמָּה׃ וַיָּשֶׂם הָעֶבֶד אֶת־יָדוֹ תַּחַת יֶרֶךְ אַבְרָהָם אֲדֹנָיו ט
וַיִּשָּׁבַע לוֹ עַל־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וַיִּקַּח הָעֶבֶד עֲשָׂרָה גְמַלִּים של׳
מִגְּמַלֵּי אֲדֹנָיו וַיֵּלֶךְ וְכָל־טוּב אֲדֹנָיו בְּיָדוֹ וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אֶל־
אֲרַם נַהֲרַיִם אֶל־עִיר נָחוֹר׃ וַיַּבְרֵךְ הַגְּמַלִּים מִחוּץ לָעִיר יא
אֶל־בְּאֵר הַמָּיִם לְעֵת עֶרֶב לְעֵת צֵאת הַשֹּׁאֲבֹת׃ וַיֹּאמַר ׀ יב
יְהוָה אֱלֹהֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם הַקְרֵה־נָא לְפָנַי הַיּוֹם וַעֲשֵׂה־
חֶסֶד עִם אֲדֹנִי אַבְרָהָם׃ הִנֵּה אָנֹכִי נִצָּב עַל־עֵין הַמָּיִם יג
וּבְנוֹת אַנְשֵׁי הָעִיר יֹצְאֹת לִשְׁאֹב מָיִם׃ וְהָיָה הַנַּעֲרָ אֲשֶׁר יד
אֹמַר אֵלֶיהָ הַטִּי־נָא כַדֵּךְ וְאֶשְׁתֶּה וְאָמְרָה שְׁתֵה וְגַם־
גְּמַלֶּיךָ אַשְׁקֶה אֹתָהּ הֹכַחְתָּ לְעַבְדְּךָ לְיִצְחָק וּבָהּ אֵדַע
כִּי־עָשִׂיתָ חֶסֶד עִם־אֲדֹנִי׃ וַיְהִי־הוּא טֶרֶם כִּלָּה לְדַבֵּר טו
וְהִנֵּה רִבְקָה יֹצֵאת אֲשֶׁר יֻלְּדָה לִבְתוּאֵל בֶּן־מִלְכָּה אֵשֶׁת
נָחוֹר אֲחִי אַבְרָהָם וְכַדָּהּ עַל־שִׁכְמָהּ׃ וְהַנַּעֲרָ טֹבַת מַרְאֶה טז
מְאֹד בְּתוּלָה וְאִישׁ לֹא יְדָעָהּ וַתֵּרֶד הָעַיְנָה וַתְּמַלֵּא כַדָּהּ
וַתָּעַל׃ וַיָּרָץ הָעֶבֶד לִקְרָאתָהּ וַיֹּאמֶר הַגְמִיאִינִי נָא מְעַט־ יז
מַיִם מִכַּדֵּךְ׃ וַתֹּאמֶר שְׁתֵה אֲדֹנִי וַתְּמַהֵר וַתֹּרֶד כַּדָּהּ עַל־ יח
יָדָהּ וַתַּשְׁקֵהוּ׃ וַתְּכַל לְהַשְׁקֹתוֹ וַתֹּאמֶר גַּם לִגְמַלֶּיךָ אֶשְׁאָב יט
עַד אִם־כִּלּוּ לִשְׁתֹּת׃ וַתְּמַהֵר וַתְּעַר כַּדָּהּ אֶל־הַשֹּׁקֶת וַתָּרָץ כ
עוֹד אֶל־הַבְּאֵר לִשְׁאֹב וַתִּשְׁאַב לְכָל־גְּמַלָּיו׃ וְהָאִישׁ כא
מִשְׁתָּאֵה לָהּ מַחֲרִישׁ לָדַעַת הַהִצְלִיחַ יְהוָה דַּרְכּוֹ אִם־

יד׳ הנערה קרי טז׳ והנערה קרי יט׳ קמץ בז״ק

זאָל איך ניט אַנדערש אומקערן דיין זון צו דעם לאַנד וואָס דו ביסט פון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען?

[6] האָט אַברהם צו אים געזאָגט: היט דיך, זאָלסט ניט אומקערן מיין זון אַהין. [7] יהוה דער גאָט פון הימל, וואָס האָט מיך אַרויסגענומען פון דעם הויז פון מיין פאָטער, און פון דעם לאַנד פון מיין געבורט, און וואָס האָט צו מיר גערעדט, און וואָס האָט מיר געשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: צו דיין זאָמען וועל איך געבן דאָסדאָזיקע לאַנד – ער וועט שיקן זיין מלאך דיר פאָרויס, און וועסט קריגן אַ ווייב פאַר מיין זון פון דאָרטן. [8] און אויב די פרוי וועט ניט וועלן גיין נאָך דיר, וועסטו זיין פריי פון דעררדאָזיקער שבועה מיינער; אָבער זאָלסט ניט אומקערן מיין זון אַהין.

[9] האָט דער קנעכט געטאָן זיין האַנט אונטער דעם דיך פון זיין האַר אַברהמען, און ער האָט אים געשוואָרן אויף דערדאָזיקער זאַך.

[10] און דער קנעכט האָט גענומען צען קעמלען פון די קעמלען פון זיין האַר, און איז אַוועקגעגאַנגען מיט אַלעם בעסטן פון זיין האַר אין זיין האַנט; און ער איז אויפגעשטאַנען, און איז געגאַנגען קיין אֲרַם־נַהֲרַיִם, צו דער שטאָט פון נָחוֹר. [11] און ער האָט געמאַכט קניען די קעמלען אויסן שטאָט ביים ברונעם וואַסער, אין אָוונט־צייט, אין דער צייט וואָס די שעפּערינס גייען אַרויס. [12] און ער האָט געזאָגט: יהוה, גאָט פון מיין האַר אַברהמען, שיק מיר צו היינט, איך בעט דיך, אַ טראַף, און טו חסד מיט מיין האַר אַברהמען. [13] אָט שטיי איך ביים קוואַל וואַסער, און די טעכטער פון די שטאָטלייט קומען אַרויס שעפּן וואַסער; [14] זאָל זיין, אַז די מיידל וואָס איך וועל צו איר זאָגן: „בייג איין, איך בעט דיך, דיין קרוג, און לאָמיך טרינקען", און זי וועט זאָגן: „טרינק, און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען", האָסטו זי באַשערט פאַר דיין קנעכט יצחקן, און דערמיט וועל איך וויסן אַז דו האָסט געטאָן חסד מיט מיין האַר.

[15] און עס איז געווען, איידער נאָך ער האָט געענדיקט רעדן, ערשט רבקה קומט אַרויס – די וואָס איז געבאָרן געוואָרן ביי בתואל דעם זון פון מִלכָּה, דער ווייב פון נָחוֹר, אַברהמס ברודער – מיט איר קרוג אויף איר אַקסל. [16] און די מיידל איז געווען זייער שיין פון אויסזען, אַ יונגפרוי וואָס קיין מאַן האָט נאָך זי ניט געקענט; און זי האָט אַראָפּגענידערט צום קוואַל, און האָט אָנגעפילט איר קרוג, און איז אַרויפגעקומען. [17] איז דער קנעכט איר געלאָפן אַנטקעגן, און האָט געזאָגט: לאָז מיך אַ זופּ טאָן, איך בעט דיך, אַ ביסל וואַסער פון דיין קרוג. [18] האָט זי געזאָגט: טרינק מיין האַר; און זי האָט אויך גיך אַראָפּגעלאָזט איר קרוג אויף איר האַנט, און האָט אים געגעבן טרינקען. [19] און אַז זי האָט געענדיקט אים געבן טרינקען, האָט זי געזאָגט: אויך פאַר דיינע קעמלען וועל איך אָנשעפּן, ביז זיי האָבן געענדיקט טרינקען.

[20] און זי האָט אויך גיך אויסגעליידיקט איר קרוג אין דער קאָריטע, און איז ווידער געלאָפן צום ברונעם אָנשעפּן, ביז זי האָט אָנגעשעפּט פאַר אַלע זיינע קעמלען. [21] און דער מאַן קוקט זי אָן שווייגעדיק, צו וויסן אויב גאָט האָט באַגליקט זיין

כב לֹא׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר כִּלּוּ הַגְּמַלִּים לִשְׁתּוֹת וַיִּקַּח הָאִישׁ נֶזֶם
זָהָב בֶּקַע מִשְׁקָלוֹ וּשְׁנֵי צְמִידִים עַל־יָדֶיהָ עֲשָׂרָה זָהָב
כג מִשְׁקָלָם׃ וַיֹּאמֶר בַּת־מִי אַתְּ הַגִּידִי נָא לִי הֲיֵשׁ בֵּית־
כד אָבִיךְ מָקוֹם לָנוּ לָלִין׃ וַתֹּאמֶר אֵלָיו בַּת־בְּתוּאֵל אָנֹכִי בֶּן־
כה מִלְכָּה אֲשֶׁר יָלְדָה לְנָחוֹר׃ וַתֹּאמֶר אֵלָיו גַּם־תֶּבֶן גַּם־
כו מִסְפּוֹא רַב עִמָּנוּ גַּם־מָקוֹם לָלוּן׃ וַיִּקֹּד הָאִישׁ וַיִּשְׁתַּחוּ
כז לַיהוָה׃ וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם אֲשֶׁר
לֹא־עָזַב חַסְדּוֹ וַאֲמִתּוֹ מֵעִם אֲדֹנִי אָנֹכִי בַּדֶּרֶךְ נָחַנִי יְהוָה
כח בֵּית אֲחֵי אֲדֹנִי׃ וַתָּרָץ הַנַּעֲרְ וַתַּגֵּד לְבֵית אִמָּהּ כַּדְּבָרִים
כט הָאֵלֶּה׃ וּלְרִבְקָה אָח וּשְׁמוֹ לָבָן וַיָּרָץ לָבָן אֶל־הָאִישׁ
ל הַחוּצָה אֶל־הָעָיִן׃ וַיְהִי ׀ כִּרְאֹת אֶת־הַנֶּזֶם וְאֶת־הַצְּמִדִים
עַל־יְדֵי אֲחֹתוֹ וּכְשָׁמְעוֹ אֶת־דִּבְרֵי רִבְקָה אֲחֹתוֹ לֵאמֹר
כֹּה־דִבֶּר אֵלַי הָאִישׁ וַיָּבֹא אֶל־הָאִישׁ וְהִנֵּה עֹמֵד עַל־
לא הַגְּמַלִּים עַל־הָעָיִן׃ וַיֹּאמֶר בּוֹא בְּרוּךְ יְהוָה לָמָּה תַעֲמֹד
לב בַּחוּץ וְאָנֹכִי פִּנִּיתִי הַבַּיִת וּמָקוֹם לַגְּמַלִּים׃ וַיָּבֹא הָאִישׁ
הַבַּיְתָה וַיְפַתַּח הַגְּמַלִּים וַיִּתֵּן תֶּבֶן וּמִסְפּוֹא לַגְּמַלִּים
לג וּמַיִם לִרְחֹץ רַגְלָיו וְרַגְלֵי הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר אִתּוֹ׃ וַיִּישַׂם
לְפָנָיו לֶאֱכֹל וַיֹּאמֶר לֹא אֹכַל עַד אִם־דִּבַּרְתִּי דְּבָרָי וַיֹּאמֶר
לד לה דַּבֵּר׃ וַיֹּאמַר עֶבֶד אַבְרָהָם אָנֹכִי׃ וַיהוָה בֵּרַךְ אֶת־אֲדֹנִי
מְאֹד וַיִּגְדָּל וַיִּתֶּן־לוֹ צֹאן וּבָקָר וְכֶסֶף וְזָהָב וַעֲבָדִם וּשְׁפָחֹת
לו וּגְמַלִּים וַחֲמֹרִים׃ וַתֵּלֶד שָׂרָה אֵשֶׁת אֲדֹנִי בֵן לַאדֹנִי
לז אַחֲרֵי זִקְנָתָהּ וַיִּתֶּן־לוֹ אֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ׃ וַיַּשְׁבִּעֵנִי אֲדֹנִי
לֵאמֹר לֹא־תִקַּח אִשָּׁה לִבְנִי מִבְּנוֹת הַכְּנַעֲנִי אֲשֶׁר אָנֹכִי
לח יֹשֵׁב בְּאַרְצוֹ׃ אִם־לֹא אֶל־בֵּית־אָבִי תֵּלֵךְ וְאֶל־מִשְׁפַּחְתִּי
לט וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי׃ וָאֹמַר אֶל־אֲדֹנִי אֻלַי לֹא־תֵלֵךְ הָאִשָּׁה
מ אַחֲרָי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָי יְהוָה אֲשֶׁר־הִתְהַלַּכְתִּי לְפָנָיו יִשְׁלַח
מַלְאָכוֹ אִתָּךְ וְהִצְלִיחַ דַּרְכֶּךָ וְלָקַחְתָּ אִשָּׁה לִבְנִי מִמִּשְׁפַּחְתִּי

כח׳ הנערה קרי  לג׳ ויושם קרי

וועג אָדער ניט. [22] און עס איז געווען, ווי די קעמלען האָבן געענדיקט טרינקען, אַזוי האָט דער מאַן גענומען אַ גילדערנעם נאָזרינג וואָס זײַן וואָג איז געווען אַ בֶּקַע, און צוויי אָרעמבענדער פאַר אירע הענט, וואָס זייער וואָג איז געווען צען גאָלדשטיק. [23] און ער האָט געזאָגט: וועמעס טאָכטער ביסטו? זאָג מיר, איך בעט דיך, איז דאָ אין דײַן פאָטערס הויז אַן אָרט פאַר אונדז צום נעכטיקן?

[24] האָט זי צו אים געזאָגט: איך בין די טאָכטער פון בתואֵל דעם זון פון מִלכָּהן, וואָס זי האָט געבאָרן נָחורן. [25] און זי האָט צו אים געזאָגט: אי שטרוי אי פוטער אַ סך איז דאָ בײַ אונדז, אי אַן אָרט צום נעכטיקן.

[26] האָט דער מאַן זיך געבייגט און זיך געבוקט צו גאָט. [27] און ער האָט געזאָגט: געלויבט איז יהוה דער גאָט פון מײַן האַר אַברהמען, וואָס האָט ניט פאַרלאָזן זײַן חסד און זײַן טרײַשאַפט צו מײַן האַר; מיך האָט גאָט געפירט אויף דעם וועג צו דעם הויז פון מײַן האַרס ברידער.

[28] און די מיידל איז געלאָפן, און האָט דערציילט אין איר מוטערס הויז דידאָזיקע זאַכן. [29] און רבקה האָט געהאַט אַ ברודער וואָס זײַן נאָמען איז געווען לָבָן; איז לָבָן אַרויסגעלאָפן צו דעם מאַן דרויסן צום קוואַל. [30] און עס איז געווען, ווי ער האָט דערזען דעם נאָזרינג, און די אָרעמבענדער אויף די הענט פון זײַן שוועסטער, און ווי ער האָט געהערט די ווערטער פון זײַן שוועסטער רבקהן, אַזוי צו זאָגן: אַזוי און אַזוי האָט דער מאַן צו מיר גערעדט— איז ער געקומען צו דעם מאַן ווי ער שטייט בײַ די קעמלען לעבן קוואַל, [31] און ער האָט געזאָגט: קום, געבענטשטער פון גאָט, פאַרוואָס שטייסטו דרויסן? איך האָב דאָך אויפגעראַמט דאָס הויז, און אַן אָרט פאַר די קעמלען.

[32] איז דער מאַן אַרײַנגעגאַנגען אין הויז; און ער האָט אָפּגעבונדן די קעמלען, און האָט דערלאַנגט שטרוי און פוטער פאַר די קעמלען, און וואַסער צו וואַשן זײַנע פיס, און די פיס פון די מענטשן וואָס מיט אים. [33] און עס איז געשטעלט געוואָרן פאַר אים צום עסן, אָבער ער האָט געזאָגט: איך וועל ניט עסן, ביז איך האָב גערעדט מײַנע רייד. האָט ער געזאָגט: רעד.

[34] האָט ער געזאָגט: דער קנעכט פון אַברהמען בין איך. [35] און גאָט האָט זייער געבענטשט מײַן האַר, און ער איז געוואָרן רײַך; און ער האָט אים געגעבן שאָף און רינדער, און זילבער און גאָלד, און קנעכט און דינסטן, און קעמלען און אייזלען. [36] און שׂרה, מײַן האַרס ווײַב, האָט געבאָרן אַ זון צו מײַן האַר אויף איר עלטער; און ער האָט אים אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט. [37] און מײַן האַר האָט מיך באַשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט נעמען אַ ווײַב פאַר מײַן זון פון די טעכטער פון דעם כּנַעֲני וואָס איך זיץ אין זײַן לאַנד. [38] ניט אַנדערש נאָר צו מײַן פאָטערס הויז זאָלסטו גיין, און צו מײַן משפּחה, און נעמען אַ ווײַב פאַר מײַן זון. [39] האָב איך געזאָגט צו מײַן האַר: טאָמער וועט די פרוי ניט וועלן גיין מיט מיר? [40] האָט ער צו מיר געזאָגט: יהוה וואָס איך בין געגאַנגען פאַר אים, וועט שיקן זײַן מלאך מיט דיר, און וועט באַגליקן דײַן וועג, און וועסט קריגן אַ ווײַב פאַר מײַן זון, פון מײַן משפּחה

מא וּמִבֵּית אָבִי: אָז תִּנָּקֶה מֵאָלָתִי כִּי תָבוֹא אֶל־מִשְׁפַּחְתִּי
מב וְאִם־לֹא יִתְּנוּ לָךְ וְהָיִיתָ נָקִי מֵאָלָתִי: וָאָבֹא הַיּוֹם אֶל־
הָעָיִן וָאֹמַר יְהוָה אֱלֹהֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם אִם־יֶשְׁךָ־נָּא
מג מַצְלִיחַ דַּרְכִּי אֲשֶׁר אָנֹכִי הֹלֵךְ עָלֶיהָ: הִנֵּה אָנֹכִי נִצָּב
עַל־עֵין הַמָּיִם וְהָיָה הָעַלְמָה הַיֹּצֵאת לִשְׁאֹב וְאָמַרְתִּי
מד אֵלֶיהָ הַשְׁקִינִי־נָא מְעַט־מַיִם מִכַּדֵּךְ: וְאָמְרָה אֵלַי גַּם־
אַתָּה שְׁתֵה וְגַם לִגְמַלֶּיךָ אֶשְׁאָב הִוא הָאִשָּׁה אֲשֶׁר־הֹכִיחַ
מה יְהוָה לְבֶן־אֲדֹנִי: אֲנִי טֶרֶם אֲכַלֶּה לְדַבֵּר אֶל־לִבִּי וְהִנֵּה
רִבְקָה יֹצֵאת וְכַדָּהּ עַל־שִׁכְמָהּ וַתֵּרֶד הָעַיְנָה וַתִּשְׁאָב
מו וָאֹמַר אֵלֶיהָ הַשְׁקִינִי נָא: וַתְּמַהֵר וַתּוֹרֶד כַּדָּהּ מֵעָלֶיהָ
וַתֹּאמֶר שְׁתֵה וְגַם־גְּמַלֶּיךָ אַשְׁקֶה וָאֵשְׁתְּ וְגַם הַגְּמַלִּים
מז הִשְׁקָתָה: וָאֶשְׁאַל אֹתָהּ וָאֹמַר בַּת־מִי אַתְּ וַתֹּאמֶר בַּת־
בְּתוּאֵל בֶּן־נָחוֹר אֲשֶׁר יָלְדָה־לּוֹ מִלְכָּה וָאָשִׂם הַנֶּזֶם עַל־
מח אַפָּהּ וְהַצְּמִידִים עַל־יָדֶיהָ: וָאֶקֹּד וָאֶשְׁתַּחֲוֶה לַיהוָה
וָאֲבָרֵךְ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי אֲדֹנִי אַבְרָהָם אֲשֶׁר הִנְחַנִי בְּדֶרֶךְ
מט אֱמֶת לָקַחַת אֶת־בַּת־אֲחִי אֲדֹנִי לִבְנוֹ: וְעַתָּה אִם־יֶשְׁכֶם
עֹשִׂים חֶסֶד וֶאֱמֶת אֶת־אֲדֹנִי הַגִּידוּ לִי וְאִם־לֹא הַגִּידוּ
נ לִי וְאֶפְנֶה עַל־יָמִין אוֹ עַל־שְׂמֹאל: וַיַּעַן לָבָן וּבְתוּאֵל
וַיֹּאמְרוּ מֵיְהוָה יָצָא הַדָּבָר לֹא נוּכַל דַּבֵּר אֵלֶיךָ רַע אוֹ־
נא טוֹב: הִנֵּה־רִבְקָה לְפָנֶיךָ קַח וָלֵךְ וּתְהִי אִשָּׁה לְבֶן־אֲדֹנֶיךָ
נב כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה: וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁמַע עֶבֶד אַבְרָהָם אֶת־
נג׳ דִּבְרֵיהֶם וַיִּשְׁתַּחוּ אַרְצָה לַיהוָה: וַיּוֹצֵא הָעֶבֶד כְּלֵי־כֶסֶף
וּכְלֵי זָהָב וּבְגָדִים וַיִּתֵּן לְרִבְקָה וּמִגְדָּנֹת נָתַן לְאָחִיהָ
נד וּלְאִמָּהּ: וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ הוּא וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־עִמּוֹ וַיָּלִינוּ
נה וַיָּקוּמוּ בַבֹּקֶר וַיֹּאמֶר שַׁלְּחֻנִי לַאדֹנִי: וַיֹּאמֶר אָחִיהָ וְאִמָּהּ
נו תֵּשֵׁב הַנַּעֲרָ אִתָּנוּ יָמִים אוֹ עָשׂוֹר אַחַר תֵּלֵךְ: וַיֹּאמֶר
אֲלֵהֶם אַל־תְּאַחֲרוּ אֹתִי וַיהוָה הִצְלִיחַ דַּרְכִּי שַׁלְּחוּנִי

נג׳ הגעיה קרי

און פון מיין פאָטערס הויז. [41] דענסמאָל וועסטו פריי זיין פון מיין שבועה, אַז דו וועסט קומען צו מיין משפחה; און אויב זיי וועלן דיר ניט געבן, וועסטו אויך פריי זיין פון מיין שבועה. [42] בין איך געקומען היינט צום קוואַל, און האָב געזאָגט: יהוה, גאָט פון מיין האַר אַברהמען, אויב דו ווילסט, איך בעט דיך, באַגליקן מיין וועג וואָס איך גיי אויף אים: [43] אָט שטיי איך ביים קוואַל וואַסער; און עס זאָל זיין, אַז די מיידל וואָס קומט אַרויס שעפּן, און איך וועל זאָגן צו איר: „גיב מיר טרינקען, איך בעט דיך, אַ ביסל וואַסער פון דיין קרוג", [44] און זי וועט זאָגן צו מיר: „אי דו טרינק, אי פאַר דיינע קעמלען וועל איך אָנשעפּן", זאָל זי זיין די ווייב, וואָס גאָט האָט באַשערט פאַר מיין האַרס זון. [45] נאָך איידער איך ענדיק רעדן צו מיין האַרצן, ערשט רבקה קומט אַרויס מיט איר קרוג אויף איר אַקסל; און זי האָט אַראָפּגענידערט צום קוואַל און האָט אָנגעשעפּט. האָב איך צו איר געזאָגט: גיב מיר טרינקען, איך בעט דיך. [46] האָט זי אויף גיך אַראָפּגעלאָזט איר קרוג פון זיך, און האָט געזאָגט: טרינק, און אויך דיינע קעמלען וועל איך אָנטרינקען. האָב איך געטרונקען, און אויך די קעמלען האָט זי אָנגעטרונקען. [47] האָב איך זי געפרעגט און האָב געזאָגט: וועמעס טאָכטער ביסטו? האָט זי געזאָגט: די טאָכטער פון בתואֵל דעם זון פון נָחורן, וואָס מִלכָּה האָט געבאָרן צו אים. און איך האָב אָנגעטאָן דעם נאָזרינג אויף איר נאָז, און די אָרעמבענדער אויף אירע הענט. [48] און איך האָב מיך גענייגט און מיך געבוקט צו יהוה, און איך האָב געלויבט יהוה דעם גאָט פון מיין האַר אַברהמען, וואָס האָט מיך געפירט אויפן ריכטיקן וועג צו קריגן די טאָכטער פון מיין האַרס אַן אייגענעם פאַר זיין זון. [49] און אַצונד, אויב איר ווילט טאָן אַ חסד און אַ טריישאַפט מיט מיין האַר, זאָגט מיר; און אויב ניט, זאָגט מיר; און איך וועל מיך קערן אויף רעכטס אָדער אויף לינקס.

[50] האָט געענטפערט לָבָן און בתואֵל, און זיי האָבן געזאָגט: די זאַך איז אַרויס פון גאָט; מיר קענען ניט רעדן צו דיר שלעכטס אָדער גוטס. [51] אָט איז רבקה פאַר דיר, נעם און גיי, און זאָל זי זיין אַ ווייב צו דעם זון פון דיין האַר, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.

[52] און עס איז געווען, ווי דער קנעכט פון אַברהמען האָט געהערט זייערע ווערטער, אַזוי האָט ער זיך געבוקט צו דער ערד פאַר גאָט. [53] און דער קנעכט האָט אַרויסגענומען זילבערנע זאַכן, און גילדערנע זאַכן, און קליידער, און געגעבן רבקהן; אויך איר ברודער און איר מוטער האָט ער געגעבן טייערע מתנות. [54] און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, ער און די מענטשן וואָס מיט אים; און זיי האָבן איבערגענעכטיקט; און זיי זיינען אויפגעשטאַנען אין דער פרי, און ער האָט געזאָגט: שיקט מיך אַוועק צו מיין האַר.

[55] האָט געזאָגט איר ברודער און איר מוטער: זאָל די מיידל בלייבן ביי אונדז אַ יאָר אָדער צען [חדשים], דער־נאָך וועט זי גיין. [56] האָט ער צו זיי געזאָגט: האַלט מיך ניט אויף, אַז גאָט האָט באַגליקט מיין וועג. שיקט מיך אַוועק,

נז וְאִלְכָה לַאדֹנִי: וַיֹּאמְרוּ נִקְרָא לַנַּעֲרָ וְנִשְׁאֲלָה אֶת־פִּיהָ:
נח וַיִּקְרְאוּ לְרִבְקָה וַיֹּאמְרוּ אֵלֶיהָ הֲתֵלְכִי עִם־הָאִישׁ הַזֶּה
נט וַתֹּאמֶר אֵלֵךְ: וַיְשַׁלְּחוּ אֶת־רִבְקָה אֲחֹתָם וְאֶת־מֵנִקְתָּהּ
ס וְאֶת־עֶבֶד אַבְרָהָם וְאֶת־אֲנָשָׁיו: וַיְבָרְכוּ אֶת־רִבְקָה וַיֹּאמְרוּ
לָהּ אֲחֹתֵנוּ אַתְּ הֲיִי לְאַלְפֵי רְבָבָה וְיִירַשׁ זַרְעֵךְ אֵת שַׁעַר
סא שֹׂנְאָיו: וַתָּקָם רִבְקָה וְנַעֲרֹתֶיהָ וַתִּרְכַּבְנָה עַל־הַגְּמַלִּים
וַתֵּלַכְנָה אַחֲרֵי הָאִישׁ וַיִּקַּח הָעֶבֶד אֶת־רִבְקָה וַיֵּלַךְ:
סב וְיִצְחָק בָּא מִבּוֹא בְּאֵר לַחַי רֹאִי וְהוּא יוֹשֵׁב בְּאֶרֶץ הַנֶּגֶב:
סג וַיֵּצֵא יִצְחָק לָשׂוּחַ בַּשָּׂדֶה לִפְנוֹת עָרֶב וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא
סד וְהִנֵּה גְמַלִּים בָּאִים: וַתִּשָּׂא רִבְקָה אֶת־עֵינֶיהָ וַתֵּרֶא אֶת־
סה יִצְחָק וַתִּפֹּל מֵעַל הַגָּמָל: וַתֹּאמֶר אֶל־הָעֶבֶד מִי־הָאִישׁ
הַלָּזֶה הַהֹלֵךְ בַּשָּׂדֶה לִקְרָאתֵנוּ וַיֹּאמֶר הָעֶבֶד הוּא אֲדֹנִי
סו וַתִּקַּח הַצָּעִיף וַתִּתְכָּס: וַיְסַפֵּר הָעֶבֶד לְיִצְחָק אֵת כָּל־
סז הַדְּבָרִים אֲשֶׁר עָשָׂה: וַיְבִאֶהָ יִצְחָק הָאֹהֱלָה שָׂרָה אִמּוֹ
וַיִּקַּח אֶת־רִבְקָה וַתְּהִי־לוֹ לְאִשָּׁה וַיֶּאֱהָבֶהָ וַיִּנָּחֵם יִצְחָק
אַחֲרֵי אִמּוֹ: פ

כה

ששי ב וַיֹּסֶף אַבְרָהָם וַיִּקַּח אִשָּׁה וּשְׁמָהּ קְטוּרָה: וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־
זִמְרָן וְאֶת־יָקְשָׁן וְאֶת־מְדָן וְאֶת־מִדְיָן וְאֶת־יִשְׁבָּק וְאֶת־
ג שׁוּחַ: וְיָקְשָׁן יָלַד אֶת־שְׁבָא וְאֶת־דְּדָן וּבְנֵי דְדָן הָיוּ
ד אַשּׁוּרִם וּלְטוּשִׁם וּלְאֻמִּים: וּבְנֵי מִדְיָן עֵיפָה וָעֵפֶר וַחֲנֹךְ
ה וַאֲבִידָע וְאֶלְדָּעָה כָּל־אֵלֶּה בְּנֵי קְטוּרָה: וַיִּתֵּן אַבְרָהָם
ו אֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ לְיִצְחָק: וְלִבְנֵי הַפִּילַגְשִׁים אֲשֶׁר
לְאַבְרָהָם נָתַן אַבְרָהָם מַתָּנֹת וַיְשַׁלְּחֵם מֵעַל יִצְחָק בְּנוֹ
ז בְּעוֹדֶנּוּ חַי קֵדְמָה אֶל־אֶרֶץ קֶדֶם: וְאֵלֶּה יְמֵי שְׁנֵי־חַיֵּי
אַבְרָהָם אֲשֶׁר־חָי מְאַת שָׁנָה וְשִׁבְעִים שָׁנָה וְחָמֵשׁ שָׁנִים:
ח וַיִּגְוַע וַיָּמָת אַבְרָהָם בְּשֵׂיבָה טוֹבָה זָקֵן וְשָׂבֵעַ וַיֵּאָסֶף אֶל־

---

כד, נא׳ לנערה קרי

און לאָמיך גיין צו מיין האַר. [57] האָבן זיי געזאָגט: מיר וועלן רופן די מיידל, און מיר וועלן פרעגן איר מויל. [58] האָבן זיי גערופן רבקהן, און האָבן צו איר געזאָגט: ווילסטו גיין מיט דעמדאָזיקן מאַן? האָט זי געזאָגט: איך וויל גיין.

[59] האָבן זיי אַרויסבאַלייט זייער שוועסטער רבקהן, און איר אַם, און אַברהמס קנעכט, און זיינע מענטשן. [60] און זיי האָבן געבענטשט רבקהן, און האָבן צו איר געזאָגט: אונדזער שוועסטער, דו ווער טויזנטער מאָל צען טויזנט, און דיין זאָמען זאָל אַרבן דעם טויער פון זיינע פיינט. [61] און רבקה איז אויפגעשטאַנען מיט אירע מיידלעך, און זיי האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף די קעמלען, און זיינען געגאַנגען נאָך דעם מאַן. און דער קנעכט האָט גענומען רבקהן, און איז אַוועקגעגאַנגען.

[62] און יצחק איז אָנגעקומען פון ווו מע גייט קיין באֵר־לַחַי־רוֹאי, וואָרום ער איז געזעסן אין לאַנד פון דָרום— [63] און יצחק איז אַרויסגעגאַנגען זיך דורכצוגיין אין פעלד אַקעגן אָוונט—האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן און האָט אַ קוק געטאָן, ערשט קעמלען קומען אָן. [64] און רבקה האָט אויפגעהויבן אירע אויגן, און האָט דערזען יצחקן, און זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון קעמל. [65] און זי האָט געזאָגט צו דעם קנעכט: ווער איז יענער מאַן וואָס גייט אין פעלד אונדז אַנטקעגן? האָט דער קנעכט געזאָגט: דאָס איז מיין האַר. האָט זי גענומען דעם שלייער, און האָט זיך פאַרדעקט.

[66] און דער קנעכט האָט דערציילט יצחקן אַלע זאַכן וואָס ער האָט געטאָן. [67] און יצחק האָט זי אַריינגעבראַכט אין דעם געצעלט פון זיין מוטער שׂרהן. און ער האָט גענומען רבקהן, און זי איז אים געוואָרן פאַר אַ ווייב; און ער האָט זי ליב געהאַט. און יצחק האָט זיך געטרייסט נאָך זיין מוטער.

**כה** [1] און אַברהם האָט ווידער גענומען אַ ווייב, און איר נאָמען איז געווען קטוּרה. [2] און זי האָט אים געבאָרן זמרָנען, און יָקשָנען, און מדָנען, און מדיָנען, און ישבָקן, און שוּחַן. [3] און יָקשָן האָט געבאָרן שבאָן, און דדָנען. און די קינדער פון דדָנען זיינען געווען אַשורים, און לטושים, און לְאוּמים. [4] און די זין פון מדיָנען זיינען געווען: עֵיפָה, און עֵפֶר, און חֲנוֹך, און אַבידָע, און אֶלדָעָה, די אַלע זיינען געווען די קינדער פון קטוּרהן.

[5] און אַברהם האָט אַוועקגעגעבן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט צו יצחקן. [6] און צו די זין פון די קעפּסווייבער וואָס אַברהם האָט געהאַט, האָט אַברהם געגעבן מתנות, און האָט זיי אַוועקגעשיקט פון זיין זון יצחקן, ווען ער האָט נאָך געלעבט, קיין מזרח, אין מזרח־לאַנד.

[7] און דאָס זיינען די טעג פון די יאָרן פון אַברהמס לעבן וואָס ער האָט געלעבט: הונדערט יאָר און פינף יאָר און זיבעציק יאָר. [8] און אַברהם איז פאַרגאַנגען און איז געשטאָרבן אין אַ גוּטער עלטער, אַלט און זאַט [מיט יאָרן]; און ער איז

ט עַמָּיו׃ וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ יִצְחָק וְיִשְׁמָעֵאל בָּנָיו אֶל־מְעָרַת הַמַּכְפֵּלָה
אֶל־שְׂדֵה עֶפְרֹן בֶּן־צֹחַר הַחִתִּי אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי מַמְרֵא׃
י הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר־קָנָה אַבְרָהָם מֵאֵת בְּנֵי־חֵת שָׁמָּה קֻבַּר
יא אַבְרָהָם וְשָׂרָה אִשְׁתּוֹ׃ וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת אַבְרָהָם וַיְבָרֶךְ
אֱלֹהִים אֶת־יִצְחָק בְּנוֹ וַיֵּשֶׁב יִצְחָק עִם־בְּאֵר לַחַי רֹאִי׃ פ
שב׳ וְאֵלֶּה תֹּלְדֹת יִשְׁמָעֵאל בֶּן־אַבְרָהָם אֲשֶׁר יָלְדָה הָגָר
יג הַמִּצְרִית שִׁפְחַת שָׂרָה לְאַבְרָהָם׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי
יִשְׁמָעֵאל בִּשְׁמֹתָם לְתוֹלְדֹתָם בְּכֹר יִשְׁמָעֵאל נְבָיֹת וְקֵדָר
יד טו וְאַדְבְּאֵל וּמִבְשָׂם׃ וּמִשְׁמָע וְדוּמָה וּמַשָּׂא׃ חֲדַד וְתֵימָא
מפ׳ יְטוּר נָפִישׁ וָקֵדְמָה׃ אֵלֶּה הֵם בְּנֵי יִשְׁמָעֵאל וְאֵלֶּה שְׁמֹתָם
יז בְּחַצְרֵיהֶם וּבְטִירֹתָם שְׁנֵים־עָשָׂר נְשִׂיאִם לְאֻמֹּתָם׃ וְאֵלֶּה
שְׁנֵי חַיֵּי יִשְׁמָעֵאל מְאַת שָׁנָה וּשְׁלֹשִׁים שָׁנָה וְשֶׁבַע שָׁנִים
יח וַיִּגְוַע וַיָּמָת וַיֵּאָסֶף אֶל־עַמָּיו׃ וַיִּשְׁכְּנוּ מֵחֲוִילָה עַד־שׁוּר
אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי מִצְרַיִם בֹּאֲכָה אַשּׁוּרָה עַל־פְּנֵי כָל־אֶחָיו נָפָל׃
פ

אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זײַן פֿאָלק. ⁹ און יצחק און יִשְׁמָעֵאל, זײַנע זין, האָבן אים באַגראָבן אין דער הײל פֿון מַכְפֵּלָה, אין דעם פֿעלד פֿון עֶפְרוֹן דעם זון פֿון צוֹחַר דעם חִתּי, וואָס פֿאַר מַמְרֵא; [10] דאָס פֿעלד וואָס אַברהם האָט אָפּגעקױפֿט פֿון די קינדער פֿון חֵת, דאָרטן איז באַגראָבן געוואָרן אַברהם, און זײַן װײַב שׂרה.

[11] און עס איז געווען נאָך דעם טויט פֿון אַברהמען, האָט גאָט געבענטשט זײַן זון יצחקן. און יצחק איז געזעסן בײַ באֵר־לַחַי־רוֹאי.

[12] און דאָס זײַנען די געבורטן פֿון יִשְׁמָעֵאל, אַברהמס זון, וואָס הָגָר די מִצרית, די דינסט פֿון שׂרהן, האָט געבאָרן אַברהמען. [13] און דאָס זײַנען די נעמען פֿון יִשְׁמָעֵאלס זין, נאָך זײערע נעמען, לויט זײערע געבורטן: דער בְּכוֹר פֿון יִשְׁמָעֵאלן, נְבָיוֹת, און קֵדָר, און אַדְבְּאֵל, און מִבְשָׂם; [14] און מִשְׁמָע, און דוּמָה, און מַשָׂא; [15] חֲדַד, און תֵּימָא, יטוּר, נָפִיש, און קֵדְמָה. [16] דאָס זײַנען די זין פֿון יִשְׁמָעֵאלן, און דאָס זײַנען זײערע נעמען אין זײערע דערפֿער, און אין זײערע לאַגערן; צוועלף פֿירשטן לויט זײערע פֿעלקער.— [17] און דאָס זײַנען די יאָרן פֿון יִשְׁמָעֵאלס לעבן: הונדערט יאָר און זיבן יאָר און דרײַסיק יאָר. און ער איז פֿאַרגאַנגען און איז געשטאָרבן; און ער איז אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זײַן פֿאָלק.—[18] און זײ האָבן געוווינט פֿון חֲוִילָה ביז שוּר וואָס פֿאַר מִצְרַיִם, ווי דו גײסט קײן אַשוּר; אין געזיכט פֿון אַלע זײַנע ברידער האָט ער זיך באַזעצט.

# תּוֹלְדֹת

יט וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת יִצְחָק בֶּן־אַבְרָהָם אַבְרָהָם הוֹלִיד אֶת־
כ יִצְחָק׃ וַיְהִי יִצְחָק בֶּן־אַרְבָּעִים שָׁנָה בְּקַחְתּוֹ אֶת־רִבְקָה
בַּת־בְּתוּאֵל הָאֲרַמִּי מִפַּדַּן אֲרָם אֲחוֹת לָבָן הָאֲרַמִּי לוֹ
כא לְאִשָּׁה׃ וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַיהוָה לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה
כב הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ יְהוָה וַתַּהַר רִבְקָה אִשְׁתּוֹ׃ וַיִּתְרֹצְצוּ
הַבָּנִים בְּקִרְבָּהּ וַתֹּאמֶר אִם־כֵּן לָמָּה זֶּה אָנֹכִי וַתֵּלֶךְ לִדְרֹשׁ
כג אֶת־יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה לָהּ שְׁנֵי גיים* בְּבִטְנֵךְ וּשְׁנֵי
לְאֻמִּים מִמֵּעַיִךְ יִפָּרֵדוּ וּלְאֹם מִלְאֹם יֶאֱמָץ* וְרַב יַעֲבֹד
כד כה צָעִיר׃ וַיִּמְלְאוּ יָמֶיהָ לָלֶדֶת וְהִנֵּה תוֹמִם* בְּבִטְנָהּ׃ וַיֵּצֵא
הָרִאשׁוֹן אַדְמוֹנִי כֻּלּוֹ כְּאַדֶּרֶת שֵׂעָר וַיִּקְרְאוּ שְׁמוֹ עֵשָׂו׃
כו וְאַחֲרֵי־כֵן יָצָא אָחִיו וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו וַיִּקְרָא
כז שְׁמוֹ יַעֲקֹב וְיִצְחָק בֶּן־שִׁשִּׁים שָׁנָה בְּלֶדֶת אֹתָם׃ וַיִּגְדְּלוּ

כג׳ גוים ק׳ קמץ בז״ק כד׳ חסר

[19] און דאָס איז די געשיכטע פֿון יצחק, אַברהמס זון: אַברהם האָט געבאָרן יצחקן. [20] און יצחק איז געווען פֿערציק יאָר אַלט, ווען ער האָט זיך גענומען רבקה, די טאָכטער פֿון בתוּאֵל דעם אֲרַמי פֿון פַּדַן־אֲרָם, די שוועסטער פֿון לָבָן דעם אֲרַמי, פֿאַר אַ װײַב. [21] און יצחק האָט געבעטן צו גאָט פֿון וועגן זײַן װײַב, וואָרום זי איז געווען אַן עקרה; און גאָט האָט זיך געלאָזט דערבעטן פֿון אים, און רבקה זײַן װײַב איז טראָגעדיק געוואָרן.

[22] און די קינדער האָבן זיך געשטויסן אין איר, און זי האָט געזאָגט: אויב אַזוי, נאָך וואָס דען לעב איך? און זי איז געגאַנגען פֿרעגן בײַ גאָט. [23] און גאָט האָט צו איר געזאָגט:

צוויי אומות זײַנען אין דײַן לײַב,
און צוויי פֿעלקער וועלן זיך פֿון דײַנע אינגעווײד צעשײדן,
און אַ פֿאָלק פֿון אַ פֿאָלק וועט זײַן שטאַרקער,
און דער עלטערער וועט דינען דעם ייִנגערן.

[24] און אַז אירע טעג זײַנען פֿול געוואָרן צום געווינען, ערשט אַ צווילינג איז אין איר לײַב. [25] און דער ערשטער איז אַרויסגעקומען אַ רויטער, אין גאַנצן אַזוי ווי אַ האָריקער מאַנטל; און מע האָט גערופֿן זײַן נאָמען עֵשָׂו. [26] און דערנאָך איז אַרויסגעקומען זײַן ברודער, און זײַן האַנט האָט צוגעהאַלטן דעם טריט פֿון עֵשָׂון; און מע האָט גערופֿן זײַן נאָמען יַעֲקֹבא. און יצחק איז געווען זעכציק יאָר אַלט בײַ זײער געבאָרן ווערן.

[א] דער וואָס האַלט בײַם טריט אָדער פֿאַרכאַפּט און נאַרט אויס.

27 און די ייִנגלעך זיינען אויפגעוואַקסן; און עֵשָׂו איז געווען אַ מענטש געניט אין געיעג, אַ פעלדמענטש, און יעקב איז געווען אַ שטילער מענטש, וואָס זיצט אין געצעלטן. 28 און יצחק האָט ליב געהאַט עֵשָׂון, ווייל דאָס געפאַנג איז אים געווען צום מויל; און רבקה האָט ליב געהאַט יעקבן.

29 האָט יעקב איינמאָל געקאָכט אַ געקעכטס, און עֵשָׂו איז אָנגעקומען פון פעלד, און ער איז געווען פאַרשמאַכט. 30 האָט עֵשָׂו געזאָגט צו יעקבן: לאָז מיך אַ שלונג טאָן, איך בעט דיך, פון דעמדאָזיקן רויטדרויטק[א], וואָרום איך בין פאַרשמאַכט; דרום האָט מען גערופן זיין נאָמען אֱדום. 31 האָט יעקב געזאָגט: פאַרקויף מיר אַקאָרשט דיין בכורה. 32 האָט עֵשָׂו געזאָגט: זע, איך גיי צום שטאַרבן, און צו וואָס מיר דען בכורה? 33 האָט יעקב געזאָגט: שווער מיר אַקאָרשט. האָט ער אים געשוואָרן, און ער האָט פאַרקויפט זיין בכורה צו יעקבן. 34 און יעקב האָט געגעבן עֵשָׂון ברויט און געקעכטס פון לינדזן; און ער האָט געגעסן און געטרונקען, און איז אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען. אַזוי האָט עֵשָׂו פאַראַכט די בכורה.

**כו** 1 און עס איז געוואָרן אַ הונגער אין לאַנד, אַחוץ דעם פריערדיקן הונגער, וואָס איז געווען אין די טעג פון אַברהמען; און יצחק איז געגאַנגען צו אַבימֶלֶך דעם מלך פון די פּלשתים, קיין גְרָר. 2 און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים, און האָט געזאָגט: זאָלסט ניט נידערן קיין מִצרַיִם, וווין אין דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר זאָגן. 3 האַלט זיך אויף אין דעמדאָזיקן לאַנד, און איך וועל זיין מיט דיר, און וועל דיך בענטשן; וואָרום צו דיר און צו דיין זאָמען וועל איך געבן אַלע דידאָזיקע לענדער, און איך וועל מקיים זיין די שבועה וואָס איך האָב געשוואָרן צו דיין פאָטער אַברהמען. 4 און איך וועל מערן דיין זאָמען אַזוי ווי די שטערן פון הימל, און וועל געבן צו דיין זאָמען אַלע דידאָזיקע לענדער; און בענטשן וועלן זיך מיט דיין זאָמען אַלע פעלקער פון דער ערד; 5 דערפאַר וואָס אַברהם האָט צוגעהערט צו מיין קָול, און האָט געהיט מיין היטונג, מיינע געבאָט, מיינע געזעצן, און מיינע לערנונגען.

6 און יצחק האָט זיך באַזעצט אין גְרָר. 7 האָבן די מענטשן פון דעם אָרט געפרעגט וועגן זיין ווייב, און ער האָט געזאָגט: זי איז מיינע אַ שוועסטער; וואָרום ער האָט מורא געהאַט צו זאָגן „מיין ווייב"; „טאָמער וועלן די מענטשן פון דעם אָרט מיך הרגען איבער רבקהן, ווייל זי איז שיין פון אויסזען".

8 און עס איז געווען, אַז ער איז דאָרטן אָפּגעווען אַ לאַנגע צייט, האָט אַבימֶלֶך דער מלך פון די פּלשתים אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, און געזען, ערשט יצחק שטיפט מיט זיין ווייב רבקהן. 9 האָט אַבימֶלֶך גערופן יצחקן, און האָט געזאָגט: זי איז דאָך גאָר דיין ווייב, און ווי אַזוי האָסטו געזאָגט: זי איז מיינע אַ שוועסטער? האָט יצחק צו אים געזאָגט: ווייל איך האָב געקלערט: איך וועל נאָך אומקומען איבער איר.

הַנְּעָרִים וַיְהִי עֵשָׂו אִישׁ יֹדֵעַ צַיִד אִישׁ שָׂדֶה וְיַעֲקֹב אִישׁ
כח תָּם יֹשֵׁב אֹהָלִים׃ וַיֶּאֱהַב יִצְחָק אֶת־עֵשָׂו כִּי־צַיִד בְּפִיו
כט וְרִבְקָה אֹהֶבֶת אֶת־יַעֲקֹב׃ וַיָּזֶד יַעֲקֹב נָזִיד וַיָּבֹא עֵשָׂו
ל מִן־הַשָּׂדֶה וְהוּא עָיֵף׃ וַיֹּאמֶר עֵשָׂו אֶל־יַעֲקֹב הַלְעִיטֵנִי
נָא מִן־הָאָדֹם הָאָדֹם הַזֶּה כִּי עָיֵף אָנֹכִי עַל־כֵּן קָרָא־
לא שְׁמוֹ אֱדוֹם׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב מִכְרָה כַיּוֹם אֶת־בְּכֹרָתְךָ לִי׃
לב וַיֹּאמֶר עֵשָׂו הִנֵּה אָנֹכִי הוֹלֵךְ לָמוּת וְלָמָּה־זֶּה לִי בְּכֹרָה׃
לג וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב הִשָּׁבְעָה לִּי כַּיּוֹם וַיִּשָּׁבַע לוֹ וַיִּמְכֹּר אֶת־
לד בְּכֹרָתוֹ לְיַעֲקֹב׃ וְיַעֲקֹב נָתַן לְעֵשָׂו לֶחֶם וּנְזִיד עֲדָשִׁים
וַיֹּאכַל וַיֵּשְׁתְּ וַיָּקָם וַיֵּלַךְ וַיִּבֶז עֵשָׂו אֶת־הַבְּכֹרָה׃ פ

כו

א וַיְהִי רָעָב בָּאָרֶץ מִלְּבַד הָרָעָב הָרִאשׁוֹן אֲשֶׁר הָיָה בִּימֵי
אַבְרָהָם וַיֵּלֶךְ יִצְחָק אֶל־אֲבִימֶלֶךְ מֶלֶךְ־פְּלִשְׁתִּים גְּרָרָה׃
ב וַיֵּרָא אֵלָיו יְהוָה וַיֹּאמֶר אַל־תֵּרֵד מִצְרָיְמָה שְׁכֹן בָּאָרֶץ
ג אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיךָ׃ גּוּר בָּאָרֶץ הַזֹּאת וְאֶהְיֶה עִמְּךָ וַאֲבָרְכֶךָּ
כִּי־לְךָ וּלְזַרְעֲךָ אֶתֵּן אֶת־כָּל־הָאֲרָצֹת הָאֵל וַהֲקִמֹתִי אֶת־
ד הַשְּׁבֻעָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי לְאַבְרָהָם אָבִיךָ׃ וְהִרְבֵּיתִי אֶת־
זַרְעֲךָ כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם וְנָתַתִּי לְזַרְעֲךָ אֵת כָּל־הָאֲרָצֹת
ה הָאֵל וְהִתְבָּרְכוּ בְזַרְעֲךָ כֹּל גּוֹיֵי הָאָרֶץ׃ עֵקֶב אֲשֶׁר־שָׁמַע
אַבְרָהָם בְּקֹלִי וַיִּשְׁמֹר מִשְׁמַרְתִּי מִצְוֹתַי חֻקּוֹתַי וְתוֹרֹתָי׃
שני ז וַיֵּשֶׁב יִצְחָק בִּגְרָר׃ וַיִּשְׁאֲלוּ אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם לְאִשְׁתּוֹ וַיֹּאמֶר
אֲחֹתִי הִוא כִּי יָרֵא לֵאמֹר אִשְׁתִּי פֶּן־יַהַרְגֻנִי אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם
ח עַל־רִבְקָה כִּי־טוֹבַת מַרְאֶה הִוא׃ וַיְהִי כִּי אָרְכוּ־לוֹ שָׁם
הַיָּמִים וַיַּשְׁקֵף אֲבִימֶלֶךְ מֶלֶךְ פְּלִשְׁתִּים בְּעַד הַחַלּוֹן וַיַּרְא
ט וְהִנֵּה יִצְחָק מְצַחֵק אֵת רִבְקָה אִשְׁתּוֹ׃ וַיִּקְרָא אֲבִימֶלֶךְ
לְיִצְחָק וַיֹּאמֶר אַךְ הִנֵּה אִשְׁתְּךָ הִוא וְאֵיךְ אָמַרְתָּ אֲחֹתִי
הִוא וַיֹּאמֶר אֵלָיו יִצְחָק כִּי אָמַרְתִּי פֶּן־אָמוּת עָלֶיהָ׃

ס, ג' ד' סבירין האלה

[א] הָאָדם הָאָדם.

י וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ מַה־זֹּאת עָשִׂיתָ לָּנוּ כִּמְעַט שָׁכַב אַחַד
יא הָעָם אֶת־אִשְׁתֶּךָ וְהֵבֵאתָ עָלֵינוּ אָשָׁם׃ וַיְצַו אֲבִימֶלֶךְ אֶת־
כָּל־הָעָם לֵאמֹר הַנֹּגֵעַ בָּאִישׁ הַזֶּה וּבְאִשְׁתּוֹ מוֹת יוּמָת׃
יב וַיִּזְרַע יִצְחָק בָּאָרֶץ הַהִוא וַיִּמְצָא בַּשָּׁנָה הַהִוא מֵאָה
יג שְׁעָרִים וַיְבָרְכֵהוּ יְהוָה׃ וַיִּגְדַּל הָאִישׁ וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְגָדֵל
יד עַד כִּי־גָדַל מְאֹד׃ וַיְהִי־לוֹ מִקְנֵה־צֹאן וּמִקְנֵה בָקָר וַעֲבֻדָּה
טו רַבָּה וַיְקַנְאוּ אֹתוֹ פְּלִשְׁתִּים׃ וְכָל־הַבְּאֵרֹת אֲשֶׁר חָפְרוּ
עַבְדֵי אָבִיו בִּימֵי אַבְרָהָם אָבִיו סִתְּמוּם פְּלִשְׁתִּים
טז וַיְמַלְאוּם עָפָר׃ וַיֹּאמֶר אֲבִימֶלֶךְ אֶל־יִצְחָק לֵךְ מֵעִמָּנוּ
יז כִּי־עָצַמְתָּ מִמֶּנּוּ מְאֹד׃ וַיֵּלֶךְ מִשָּׁם יִצְחָק וַיִּחַן בְּנַחַל־גְּרָר
יח וַיֵּשֶׁב שָׁם׃ וַיָּשָׁב יִצְחָק וַיַּחְפֹּר ׀ אֶת־בְּאֵרֹת הַמַּיִם אֲשֶׁר
חָפְרוּ בִּימֵי אַבְרָהָם אָבִיו וַיְסַתְּמוּם פְּלִשְׁתִּים אַחֲרֵי מוֹת
אַבְרָהָם וַיִּקְרָא לָהֶן שֵׁמוֹת כַּשֵּׁמֹת אֲשֶׁר־קָרָא לָהֶן אָבִיו׃
יט וַיַּחְפְּרוּ עַבְדֵי־יִצְחָק בַּנָּחַל וַיִּמְצְאוּ־שָׁם בְּאֵר מַיִם חַיִּים׃
כ וַיָּרִיבוּ רֹעֵי גְרָר עִם־רֹעֵי יִצְחָק לֵאמֹר לָנוּ הַמָּיִם וַיִּקְרָא
כא שֵׁם־הַבְּאֵר עֵשֶׂק כִּי הִתְעַשְּׂקוּ עִמּוֹ׃ וַיַּחְפְּרוּ בְּאֵר אַחֶרֶת
כב וַיָּרִיבוּ גַּם־עָלֶיהָ וַיִּקְרָא שְׁמָהּ שִׂטְנָה׃ וַיַּעְתֵּק מִשָּׁם
וַיַּחְפֹּר בְּאֵר אַחֶרֶת וְלֹא רָבוּ עָלֶיהָ וַיִּקְרָא שְׁמָהּ רְחֹבוֹת
כג וַיֹּאמֶר כִּי־עַתָּה הִרְחִיב יְהוָה לָנוּ וּפָרִינוּ בָאָרֶץ׃ וַיַּעַל
כד מִשָּׁם בְּאֵר שָׁבַע׃ וַיֵּרָא אֵלָיו יְהוָה בַּלַּיְלָה הַהוּא וַיֹּאמֶר
אָנֹכִי אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אָבִיךָ אַל־תִּירָא כִּי־אִתְּךָ אָנֹכִי
וּבֵרַכְתִּיךָ וְהִרְבֵּיתִי אֶת־זַרְעֲךָ בַּעֲבוּר אַבְרָהָם עַבְדִּי׃
כה וַיִּבֶן שָׁם מִזְבֵּחַ וַיִּקְרָא בְּשֵׁם יְהוָה וַיֶּט־שָׁם אָהֳלוֹ וַיִּכְרוּ־
כו שָׁם עַבְדֵי־יִצְחָק בְּאֵר׃ וַאֲבִימֶלֶךְ הָלַךְ אֵלָיו מִגְּרָר וַאֲחֻזַּת
כז מֵרֵעֵהוּ וּפִיכֹל שַׂר־צְבָאוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יִצְחָק מַדּוּעַ
בָּאתֶם אֵלָי וְאַתֶּם שְׂנֵאתֶם אֹתִי וַתְּשַׁלְּחוּנִי מֵאִתְּכֶם׃
כח וַיֹּאמְרוּ רָאוֹ רָאִינוּ כִּי־הָיָה יְהוָה ׀ עִמָּךְ וַנֹּאמֶר תְּהִי נָא

טו' ל' רפה כב' מלרע

[10] האָט אַבימֶלֶך געזאָגט: וואָס האָסטו דאָ געטאָן צו אונדז? שיר־שיר וואָלט איינער פון פאָלק געלעגן מיט דיין ווייב, און וואָלסט געבראַכט אויף אונדז אַ שולד.

[11] און אַבימֶלֶך האָט באַפוילן דעם גאַנצן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: דער וואָס רירט אָן דעמדאָזיקן מאַן אָדער זיין ווייב, וועט טייטן געטייט ווערן.

[12] און יצחק האָט געזייט אין יענעם לאַנד, און האָט געקריגן אין יענעם יאָר הונדערט מאָל אַזוי פיל; און גאָט האָט אים געבענטשט. [13] און דער מאַן איז געוואָרן רייך, און איז נאָכאַנאַנד רייכער געוואָרן, ביז ער איז געוואָרן זייער רייך. [14] און ער האָט געהאַט סטאַדעס שאָף, און סטאַדעס רינדער, און פיל קנעכט; און די פלשתים האָבן אים מקנא געווען. [15] און אַלע ברונעמער וואָס די קנעכט פון זיין פאָטער האָבן געגראָבן אין די טעג פון זיין פאָטער אַברהמען, האָבן די פלשתים זיי פאַרשטאָפּט, און זיי אָנגעפילט מיט ערד. [16] און אַבימֶלֶך האָט געזאָגט צו יצחקן: גיי אַוועק פון אונדז, וואָרום ביסט פיל מאַכטיקער פון אונדז.

[17] איז יצחק אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן, און האָט געלאַגערט אין טאָל פון גְרָר, און האָט זיך דאָרטן באַזעצט. [18] און יצחק האָט ווידער אויפגעגראָבן די וואַסערברונעמער וואָס מע האָט געגראָבן אין די טעג פון זיין פאָטער אַברהמען, און די פלשתים האָבן זיי פאַרשטאָפּט נאָך דעם טויט פון אַברהמען; און ער האָט זיי גערופן מיט נעמען אַזוי ווי די נעמען וואָס זיין פאָטער האָט זיי גערופן. [19] און די קנעכט פון יצחקן האָבן געגראָבן אין טאָל, און האָבן דאָרטן געפונען אַ ברונעם לעבעדיקע וואַסער. [20] האָבן זיך געקריגט די פאַסטוכער פון גְרָר מיט די פאַסטוכער פון יצחקן, אַזוי צו זאָגן: אונדז געהערט דאָס וואַסער. און ער האָט גערופן דעם נאָמען פון דעם ברונעם עֵשֶׂק, ווייל זיי האָבן זיך געעֶסקט מיט אים. [21] און זיי האָבן געגראָבן אַן אַנדער ברונעם, און האָבן זיך איבער אים אויך געקריגט. און ער האָט גערופן זיין נאָמען שִׂטְנָה[א]. [22] און ער האָט זיך איבערגעטראָגן פון דאָרטן, און האָט געגראָבן אַן אַנדער ברונעם; און זיי האָבן זיך איבער אים ניט געקריגט. האָט ער גערופן זיין נאָמען רחובות, ווייל ער האָט געזאָגט: אַצונד האָט אונדז גאָט געגעבן רַחבות, און מיר וועלן וואַקסן אין לאַנד.

[23] און ער איז אַרויפגעגאַנגען פון דאָרטן קיין בְּאֵר־שֶׁבַע. [24] און גאָט האָט זיך באַוויזן צו אים אין יענער נאַכט, און האָט געזאָגט: איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער אַברהמען; זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרום איך בין מיט דיר, און איך וועל דיך בענטשן, און וועל מערן דיין זאָמען, פון מיין קנעכט אַברהמס וועגן.

[25] האָט ער דאָרטן געבויט אַ מזבח, און ער האָט גערופן צו דעם נאָמען יהוה; און ער האָט דאָרטן אויפגעשטעלט זיין געצעלט. און די קנעכט פון יצחקן האָבן דאָרטן געגראָבן אַ ברונעם.

[26] און אַבימֶלֶך איז געגאַנגען צו אים פון גְרָר, מיט אַחוזת זיין גוטן פריינט, און פיכול דעם האַר פון זיין חיל. [27] האָט יצחק צו זיי געזאָגט: נאָך וואָס זייט איר געקומען צו מיר, אַז איר זייט מיר שׂונאים, און האָט מיך אַרויסגעשיקט פון אייך? [28] האָבן זיי געזאָגט: זען האָבן מיר געזען אַז גאָט איז מיט דיר, און מיר האָבן געזאָגט: זאָל־זשע זיין

[א] שטערניש.

אַ שבועה צווישן אונדז, צווישן אונדז און צווישן דיר, און לאָמיר שליסן אַ בונד מיט דיר. [29] אויב דו וועסט טאָן מיט אונדז בייז! אַזוי ווי מיר האָבן דיך ניט אָנגערירט, און אַזוי ווי מיר האָבן מיט דיר רק גוטס געטאָן, און מיר האָבן דיך אַוועקגעלאָזט בשלום. אַצונד ביסטו אַ געבענטשטער פון גאָט.

[30] האָט ער געמאַכט פאַר זיי אַ מאָלצייט, און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען. [31] און זיי האָבן זיך געפּערדערט אין דער פרי, און זיי האָבן געשוואָרן איינער דעם אַנדערן, און יצחק האָט זיי אַרויסבאַלייט, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען פון אים בשלום.

[32] און עס איז געווען אין יענעם טאָג, זיינען געקומען די קנעכט פון יצחקן, און האָבן אים דערציילט וועגן אַ ברונעם וואָס זיי האָבן געגראָבן, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: מיר האָבן געפונען וואַסער. [33] האָט ער אים גערופן שִׁבְעָה. דרום איז דער נאָמען פון דער שטאָט בְּאֵר־שֶׁבַע ביז אויף הייַנטיקן טאָג.

[34] און אַז עֵשָׂו איז געווען פערציק יאָר אַלט, האָט ער גענומען פאַר אַ ווייב יהודית די טאָכטער פון בְּאֵרִי דעם חִתִּי, און בָּשְׂמַת די טאָכטער פון אֵילוֹן דעם חִתִּי. [35] און זיי זיינען געווען אַ האַרצביטערניש פאַר יצחקן און פאַר רבקהן.

כט אֵלָה בֵּינוֹתֵינוּ בֵּינֵינוּ וּבֵינֶךָ וְנִכְרְתָה בְרִית עִמָּךְ: אִם־
תַּעֲשֵׂה עִמָּנוּ רָעָה כַּאֲשֶׁר לֹא נְגַעֲנוּךָ וְכַאֲשֶׁר עָשִׂינוּ עִמְּךָ
חמ׳ רַק־טוֹב וַנְּשַׁלֵּחֲךָ בְּשָׁלוֹם אַתָּה עַתָּה בְּרוּךְ יְהוָה: וַיַּעַשׂ
לא לָהֶם מִשְׁתֶּה וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ: וַיַּשְׁכִּימוּ בַבֹּקֶר וַיִּשָּׁבְעוּ
לב אִישׁ לְאָחִיו וַיְשַׁלְּחֵם יִצְחָק וַיֵּלְכוּ מֵאִתּוֹ בְּשָׁלוֹם: וַיְהִי ׀
בַּיּוֹם הַהוּא וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי יִצְחָק וַיַּגִּדוּ לוֹ עַל־אֹדוֹת הַבְּאֵר
לג אֲשֶׁר חָפָרוּ וַיֹּאמְרוּ לוֹ מָצָאנוּ מָיִם: וַיִּקְרָא אֹתָהּ שִׁבְעָה
לד עַל־כֵּן שֵׁם־הָעִיר בְּאֵר שֶׁבַע עַד הַיּוֹם הַזֶּה: ס וַיְהִי
עֵשָׂו בֶּן־אַרְבָּעִים שָׁנָה וַיִּקַּח אִשָּׁה אֶת־יְהוּדִית בַּת־בְּאֵרִי
לה הַחִתִּי וְאֶת־בָּשְׂמַת בַּת־אֵילֹן הַחִתִּי: וַתִּהְיֶיןָ מֹרַת רוּחַ
לְיִצְחָק וּלְרִבְקָה: ס

## כז

א וַיְהִי כִּי־זָקֵן יִצְחָק וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאֹת וַיִּקְרָא אֶת־עֵשָׂו ׀
ב בְּנוֹ הַגָּדֹל וַיֹּאמֶר אֵלָיו בְּנִי וַיֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּנִי: וַיֹּאמֶר
ג הִנֵּה־נָא זָקַנְתִּי לֹא יָדַעְתִּי יוֹם מוֹתִי: וְעַתָּה שָׂא־נָא כֵלֶיךָ
ד תֶּלְיְךָ וְקַשְׁתֶּךָ וְצֵא הַשָּׂדֶה וְצוּדָה לִּי צֵידָה: וַעֲשֵׂה־לִי
מַטְעַמִּים כַּאֲשֶׁר אָהַבְתִּי וְהָבִיאָה לִּי וְאֹכֵלָה בַּעֲבוּר
ה תְּבָרֶכְךָ נַפְשִׁי בְּטֶרֶם אָמוּת: וְרִבְקָה שֹׁמַעַת בְּדַבֵּר יִצְחָק
ו אֶל־עֵשָׂו בְּנוֹ וַיֵּלֶךְ עֵשָׂו הַשָּׂדֶה לָצוּד צַיִד לְהָבִיא: וְרִבְקָה
אָמְרָה אֶל־יַעֲקֹב בְּנָהּ לֵאמֹר הִנֵּה שָׁמַעְתִּי אֶת־אָבִיךָ
ז מְדַבֵּר אֶל־עֵשָׂו אָחִיךָ לֵאמֹר: הָבִיאָה לִּי צַיִד וַעֲשֵׂה־לִי
ח מַטְעַמִּים וְאֹכֵלָה וַאֲבָרֶכְכָה לִפְנֵי יְהוָה לִפְנֵי מוֹתִי: וְעַתָּה
ט בְנִי שְׁמַע בְּקֹלִי לַאֲשֶׁר אֲנִי מְצַוָּה אֹתָךְ: לֶךְ־נָא אֶל־הַצֹּאן
וְקַח־לִי מִשָּׁם שְׁנֵי גְּדָיֵי עִזִּים טֹבִים וְאֶעֱשֶׂה אֹתָם מַטְעַמִּים
י לְאָבִיךָ כַּאֲשֶׁר אָהֵב: וְהֵבֵאתָ לְאָבִיךָ וְאָכָל בַּעֲבֻר אֲשֶׁר
יא יְבָרֶכְךָ לִפְנֵי מוֹתוֹ: וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־רִבְקָה אִמּוֹ הֵן
יב עֵשָׂו אָחִי אִישׁ שָׂעִר וְאָנֹכִי אִישׁ חָלָק: אוּלַי יְמֻשֵּׁנִי אָבִי

כו,כט׳ השי׳ בצירי   כז,ב׳ פתח באתנח   ג׳ הי יהוה

כז [1] און עס איז געווען, אַז יצחק איז אַלט געוואָרן, און זיינע אויגן זיינען געוואָרן צו טונקל צו זען, האָט ער גערופן זיין עלטערן זון עֵשָׂון, און האָט צו אים געזאָגט: מיין זון! האָט ער צו אים געזאָגט: דאָ בין איך. [2] האָט ער געזאָגט: זע נאָר, איך בין אַלט, איך ווייס ניט דעם טאָג פון מיין טויט. [3] דרום נעם אַצונד, איך בעט דיך, דיינע וואָפן, דיין פיילבייטל און דיין בויגן, און גיי אַרויס אין פעלד, און פאַנג מיר אַ געפאַנג; [4] און מאַך מיר אַ מאכל אַזוי ווי איך האָב ליב, און ברענג מיר, און איך וועל עסן; כדי מיין זעל זאָל דיך בענטשן איידער איך שטאַרב.

[5] און רבקה האָט געהערט ווי יצחק רעדט צו זיין זון עֵשָׂון. און עֵשָׂו איז אַוועקגעגאַנגען אין פעלד, צו פאַנגען אַ געפאַנג אויף צו ברענגען. [6] האָט רבקה געזאָגט צו איר זון יעקבן, אַזוי צו זאָגן: זע, איך האָב געהערט דיין פאָטער רעדן צו דיין ברודער עֵשָׂון, אַזוי צו זאָגן: [7] ברענג מיר אַ געפאַנג, און מאַך מיר אַ מאכל, און איך וועל עסן, און איך וועל דיך בענטשן פאַר גאָט פאַר מיין טויט. [8] איז אַצונד, מיין זון, הער צו מיין קָול לויט ווי איך באַפעל דיר. [9] גיי אַקאָרשט צו די שאָף, און ברענג מיר פון דאָרטן צוויי גוטע ציגנבעקלעך, און איך וועל פון זיי מאַכן אַ מאכל פאַר דיין פאָטער, אַזוי ווי ער האָט ליב. [10] און וועסט ברענגען צו דיין פאָטער, ער זאָל עסן, כדי ער זאָל דיך בענטשן פאַר זיין טויט.

[11] האָט יעקב געזאָגט צו זיין מוטער רבקהן: זע, מיין ברודער עֵשָׂו איז אַ מענטש אַ האָריקער, און איך בין אַ מענטש אַ גלאַטער. [12] טאָמער וועט מיך מיין פאָטער אָנטאַפּן, וועל איך זיין אין זיינע אויגן אַזוי

וְהָיִיתִי בְעֵינָיו כִּמְתַעְתֵּעַ וְהֵבֵאתִי עָלַי קְלָלָה וְלֹא בְרָכָה׃
וַתֹּאמֶר לוֹ אִמּוֹ עָלַי קִלְלָתְךָ בְּנִי אַךְ שְׁמַע בְּקֹלִי וְלֵךְ יג
קַח־לִי׃ וַיֵּלֶךְ וַיִּקַּח וַיָּבֵא לְאִמּוֹ וַתַּעַשׂ אִמּוֹ מַטְעַמִּים יד
כַּאֲשֶׁר אָהֵב אָבִיו׃ וַתִּקַּח רִבְקָה אֶת־בִּגְדֵי עֵשָׂו בְּנָהּ טו
הַגָּדֹל הַחֲמֻדֹת אֲשֶׁר אִתָּהּ בַּבָּיִת וַתַּלְבֵּשׁ אֶת־יַעֲקֹב בְּנָהּ
הַקָּטָן׃ וְאֵת עֹרֹת גְּדָיֵי הָעִזִּים הִלְבִּישָׁה עַל־יָדָיו וְעַל טז
חֶלְקַת צַוָּארָיו׃ וַתִּתֵּן אֶת־הַמַּטְעַמִּים וְאֶת־הַלֶּחֶם אֲשֶׁר יז
עָשָׂתָה בְּיַד יַעֲקֹב בְּנָהּ׃ וַיָּבֹא אֶל־אָבִיו וַיֹּאמֶר אָבִי יח
וַיֹּאמֶר הִנֶּנִּי מִי אַתָּה בְּנִי׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־אָבִיו אָנֹכִי יט
עֵשָׂו בְּכֹרֶךָ עָשִׂיתִי כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ אֵלָי קוּם־נָא שְׁבָה
וְאָכְלָה מִצֵּידִי בַּעֲבוּר תְּבָרְכַנִּי נַפְשֶׁךָ׃ וַיֹּאמֶר יִצְחָק אֶל־ כ
בְּנוֹ מַה־זֶּה מִהַרְתָּ לִמְצֹא בְּנִי וַיֹּאמֶר כִּי הִקְרָה יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ לְפָנָי׃ וַיֹּאמֶר יִצְחָק אֶל־יַעֲקֹב גְּשָׁה־נָּא וַאֲמֻשְׁךָ כא
בְּנִי הַאַתָּה זֶה בְּנִי עֵשָׂו אִם־לֹא׃ וַיִּגַּשׁ יַעֲקֹב אֶל־יִצְחָק כב
אָבִיו וַיְמֻשֵּׁהוּ וַיֹּאמֶר הַקֹּל קוֹל יַעֲקֹב וְהַיָּדַיִם יְדֵי עֵשָׂו׃
וְלֹא הִכִּירוֹ כִּי־הָיוּ יָדָיו כִּידֵי עֵשָׂו אָחִיו שְׂעִרֹת וַיְבָרְכֵהוּ׃ כג
וַיֹּאמֶר אַתָּה זֶה בְּנִי עֵשָׂו וַיֹּאמֶר אָנִי׃ וַיֹּאמֶר הַגִּשָׁה לִּי כד כה
וְאֹכְלָה מִצֵּיד בְּנִי לְמַעַן תְּבָרֶכְךָ נַפְשִׁי וַיַּגֶּשׁ־לוֹ וַיֹּאכַל
וַיָּבֵא לוֹ יַיִן וַיֵּשְׁתְּ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו יִצְחָק אָבִיו גְּשָׁה־נָּא כו
וּשְׁקָה־לִּי בְּנִי׃ וַיִּגַּשׁ וַיִּשַּׁק־לוֹ וַיָּרַח אֶת־רֵיחַ בְּגָדָיו וַיְבָרְכֵהוּ כז
וַיֹּאמֶר רְאֵה רֵיחַ בְּנִי כְּרֵיחַ שָׂדֶה אֲשֶׁר בֵּרֲכוֹ יְהוָה׃ וְיִתֶּן־ ששי
לְךָ הָאֱלֹהִים מִטַּל הַשָּׁמַיִם וּמִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ וְרֹב דָּגָן וְתִירֹשׁ׃
יַעַבְדוּךָ עַמִּים וְיִשְׁתַּחֲוֻ לְךָ לְאֻמִּים הֱוֵה גְבִיר לְאַחֶיךָ כט
וְיִשְׁתַּחֲווּ לְךָ בְּנֵי אִמֶּךָ אֹרְרֶיךָ אָרוּר וּמְבָרְכֶיךָ בָּרוּךְ׃
וַיְהִי כַּאֲשֶׁר כִּלָּה יִצְחָק לְבָרֵךְ אֶת־יַעֲקֹב וַיְהִי אַךְ יָצֹא ל
יָצָא יַעֲקֹב מֵאֵת פְּנֵי יִצְחָק אָבִיו וְעֵשָׂו אָחִיו בָּא מִצֵּידוֹ׃
וַיַּעַשׂ גַּם־הוּא מַטְעַמִּים וַיָּבֵא לְאָבִיו וַיֹּאמֶר לְאָבִיו יָקֻם לא

כט׳ וישתחוו קרי

ווי אַן אָפּנאַרער, און איך וועל ברענגען אויף מיר אַ קללה, און ניט אַ ברכה.

13 האָט זיין מוטער צו אים געזאָגט: אויף מיר דיין קללה, מיין זון! נאָר הער צו מיין קָול, און גיי ברענג מיר. 14 איז ער געגאַנגען, און האָט גענומען און געבראַכט צו זיין מוטער, און זיין מוטער האָט געמאַכט אַ מאכל אַזוי ווי זיין פאָטער האָט ליב געהאַט. 15 און רבקה האָט גענומען די שענסטע בגדים פון איר עלטערן זון עֵשָׂון, וואָס זיינען געווען ביי איר אין הויז, און זי האָט אָנגעטאָן איר יינגערן זון יעקבן. 16 און די פעלכלעך פון די ציגנ־בעקלעך האָט זי אָנגעטאָן אויף זיינע הענט און אויף זיין גלאַטן האַלדז. 17 און זי האָט געגעבן דעם מאכל און דאָס ברויט וואָס זי האָט געמאַכט, אין דער האַנט פון איר זון יעקבן.

18 און ער איז געקומען צו זיין פאָטער, און האָט געזאָגט: פאָטער מיינער! האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך; ווער ביסטו מיין זון? 19 האָט יעקב געזאָגט צו זיין פאָטער: איך בין עֵשָׂו דיין בכור; איך האָב געטאָן אַזוי ווי דו האָסט מיר געהייסן. הייב דיך אויף, איך בעט דיך, זעץ דיך, און עס פון מיין געפאַנג, כּדי דיין זעל זאָל מיך בענטשן. 20 האָט יצחק געזאָגט צו זיין זון: ווי האָסטו עפּעס אַזוי גיך געפונען, מיין זון? האָט ער געזאָגט: ווייל יהוה דיין גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ טראַף. 21 האָט יצחק געזאָגט צו יעקבן: גענען, איך בעט דיך, און לאָמיך דיך אָנטאַפּן, מיין זון, אויב דו ביסט דאָס מיין זון עֵשָׂו, אָדער ניט. 22 האָט יעקב גענענט צו זיין פאָטער יצחקן, און ער האָט אים אָנגעטאַפּט, און האָט געזאָגט: דער קָול איז דער קָול פון יעקבן, אָבער די הענט זיינען די הענט פון עֵשָׂון. 23 און ער האָט אים ניט דערקענט, ווייל זיינע הענט זיינען געווען האָריק, אַזוי ווי די הענט פון זיין ברודער עֵשָׂון; און ער האָט אים געבענטשט. 24 און ער האָט געזאָגט: דו ביסט דאָס מיין זון עֵשָׂו? האָט ער געזאָגט: איך בין עס. 25 האָט ער געזאָגט: דערלאַנג מיר, און איך וועל עסן פון מיין זונס געפאַנג, כּדי מיין זעל זאָל דיך בענטשן. האָט ער אים דערלאַנגט, און ער האָט געגעסן; און ער האָט אים גע־בראַכט וויין, און ער האָט געטרונקען. 26 און זיין פאָטער יצחק האָט געזאָגט צו אים: גענען, איך בעט דיך, און טו מיך אַ קוש, מיין זון. 27 האָט ער גענענט, און האָט אים אַ קוש געטאָן. און ער האָט געשמעקט דעם ריח פון זיינע בגדים, און האָט אים געבענטשט, און געזאָגט:

זע, דער ריח פון מיין זון
איז ווי דער ריח פון אַ פעלד
וואָס גאָט האָט עס געבענטשט.
28 און גאָט זאָל דיר געבן פון דעם טוי פון הימל,
און פון די פעטקייטן פון דער ערד,
און פיל תּבואה און וויין.
29 פעלקער זאָלן דיר דינען,
און אומות זאָלן זיך בוקן צו דיר.
זיי אַ האַר איבער דיינע ברידער,
און די זין פון דיין מוטער זאָלן זיך בוקן צו דיר.
פאַרשאָלטן די וואָס שילטן דיך,
און געבענטשט די וואָס בענטשן דיך!

30 און עס איז געווען, אַז יצחק האָט געענדיקט בענטשן יעקבן, איז ווי נאָר יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר זיין פאָטער יצחקן, אַזוי איז זיין ברודער עֵשָׂו אָנגעקומען פון זיין געיעג. 31 און ער אויך האָט געמאַכט אַ מאכל און געבראַכט צו זיין פאָטער; און ער האָט געזאָגט צו זיין פאָטער: זאָל מיין פאָטער אויפשטיין,

לב אָבִי וַיֹּאכַל מִצֵּיד בְּנוֹ בַּעֲבֻר תְּבָרְכַנִּי נַפְשֶׁךָ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ
לג יִצְחָק אָבִיו מִי־אָתָּה וַיֹּאמֶר אֲנִי בִּנְךָ בְכֹרְךָ עֵשָׂו׃ וַיֶּחֱרַד
יִצְחָק חֲרָדָה גְּדֹלָה עַד־מְאֹד וַיֹּאמֶר מִי־אֵפוֹא הוּא הַצָּד־
צַיִד וַיָּבֵא לִי וָאֹכַל מִכֹּל בְּטֶרֶם תָּבוֹא וָאֲבָרְכֵהוּ גַּם־בָּרוּךְ
לד יִהְיֶה׃ כִּשְׁמֹעַ עֵשָׂו אֶת־דִּבְרֵי אָבִיו וַיִּצְעַק צְעָקָה גְּדֹלָה
לה וּמָרָה עַד־מְאֹד וַיֹּאמֶר לְאָבִיו בָּרְכֵנִי גַם־אָנִי אָבִי׃ וַיֹּאמֶר
לו בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה וַיִּקַּח בִּרְכָתֶךָ׃ וַיֹּאמֶר הֲכִי קָרָא שְׁמוֹ
יַעֲקֹב וַיַּעְקְבֵנִי זֶה פַעֲמַיִם אֶת־בְּכֹרָתִי לָקָח וְהִנֵּה עַתָּה
לז לָקַח בִּרְכָתִי וַיֹּאמַר הֲלֹא־אָצַלְתָּ לִּי בְּרָכָה׃ וַיַּעַן יִצְחָק
וַיֹּאמֶר לְעֵשָׂו הֵן גְּבִיר שַׂמְתִּיו לָךְ וְאֶת־כָּל־אֶחָיו נָתַתִּי
לוֹ לַעֲבָדִים וְדָגָן וְתִירֹשׁ סְמַכְתִּיו וּלְכָה אֵפוֹא מָה אֶעֱשֶׂה
לח בְּנִי׃ וַיֹּאמֶר עֵשָׂו אֶל־אָבִיו הַבְרָכָה אַחַת הִוא־לְךָ אָבִי
לט בָּרְכֵנִי גַם־אָנִי אָבִי וַיִּשָּׂא עֵשָׂו קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ׃ וַיַּעַן יִצְחָק אָבִיו
וַיֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה מִשְׁמַנֵּי הָאָרֶץ יִהְיֶה מוֹשָׁבֶךָ וּמִטַּל
מ הַשָּׁמַיִם מֵעָל׃ · וְעַל־חַרְבְּךָ תִחְיֶה וְאֶת־אָחִיךָ תַּעֲבֹד וְהָיָה
מא כַּאֲשֶׁר תָּרִיד וּפָרַקְתָּ עֻלּוֹ מֵעַל צַוָּארֶךָ׃ וַיִּשְׂטֹם עֵשָׂו אֶת־
יַעֲקֹב עַל־הַבְּרָכָה אֲשֶׁר בֵּרְכוֹ אָבִיו וַיֹּאמֶר עֵשָׂו בְּלִבּוֹ
מב יִקְרְבוּ יְמֵי אֵבֶל אָבִי וְאַהַרְגָה אֶת־יַעֲקֹב אָחִי׃ וַיֻּגַּד
לְרִבְקָה אֶת־דִּבְרֵי עֵשָׂו בְּנָהּ הַגָּדֹל וַתִּשְׁלַח וַתִּקְרָא
לְיַעֲקֹב בְּנָהּ הַקָּטָן וַתֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה עֵשָׂו אָחִיךָ מִתְנַחֵם
מג לְךָ לְהָרְגֶךָ׃ וְעַתָּה בְנִי שְׁמַע בְּקֹלִי וְקוּם בְּרַח־לְךָ אֶל־
מד לָבָן אָחִי חָרָנָה׃ וְיָשַׁבְתָּ עִמּוֹ יָמִים אֲחָדִים עַד אֲשֶׁר־
מה תָּשׁוּב חֲמַת אָחִיךָ׃ עַד־שׁוּב אַף־אָחִיךָ מִמְּךָ וְשָׁכַח אֵת
אֲשֶׁר־עָשִׂיתָ לּוֹ וְשָׁלַחְתִּי וּלְקַחְתִּיךָ מִשָּׁם לָמָה אֶשְׁכַּל גַּם־
מו שְׁנֵיכֶם יוֹם אֶחָד׃ וַתֹּאמֶר רִבְקָה אֶל־יִצְחָק קַצְתִּי בְחַיַּי
מִפְּנֵי בְּנוֹת חֵת אִם־לֹקֵחַ יַעֲקֹב אִשָּׁה מִבְּנוֹת־חֵת כָּאֵלֶּה
מִבְּנוֹת הָאָרֶץ לָמָּה לִּי חַיִּים׃

לו׳ קמץ בז״ק מ׳ חצי הספר בפסוקים מו׳ ק׳ זעירא

און עסן פון זיין זונס געפאַנג, כּדי דיין זעל זאָל מיך בענטשן. 32 האָט זיין פאָטער יצחק צו אים געזאָגט: ווער ביסטו? האָט ער געזאָגט: איך בין דיין זון, דיין בכור עשׂו. 33 האָט יצחק געציטערט זייער אַ גרויס ציטערניש, און ער האָט געזאָגט: היינט ווער איז דער וואָס האָט געפאַנגען אַ געפאַנג און מיר געבראַכט, און איך האָב געגעסן פון אַלץ איידער דו ביסט געקומען, און איך האָב אים געבענטשט? ער וועט אויך זיין געבענטשט.

34 ווי עשׂו האָט געהערט די ווערטער פון זיין פאָטער, אַזוי האָט ער אויסגעשריען אַ זייער גרויס און ביטער געשריי, און ער האָט געזאָגט צו זיין פאָטער: בענטש מיך אויך, מיין פאָטער. 35 האָט ער געזאָגט: דיין ברודער איז געקומען מיט באַטרוג, און האָט צוגענומען דיין ברכה. 36 האָט ער געזאָגט: צי דען רופט מען זיין נאָמען יעקב[א], ווייל ער האָט מיר שוין צוויי מאָל אויסגענאַרט? מיין בכורה האָט ער צוגענומען, און אָט האָט ער אַצונד צוגענומען מיין ברכה. און ער האָט געזאָגט: האָסטו ניט באַהאַלטן פאַר מיר אַ ברכה? 37 האָט יצחק געענטפערט און האָט געזאָגט צו עשׂון: זע, איך האָב אים געמאַכט פאַר אַ האַר איבער דיר, און אַלע זיינע ברידער האָב איך אים געגעבן פאַר קנעכט, און מיט תבואה און וויין האָב איך אים פאַרזאָרגט, און פאַר דיר, וואָס קען איך דען טאָן, מיין זון? 38 האָט עשׂו געזאָגט צו זיין פאָטער: איז דאָס די איינציקע ברכה ביי דיר, מיין פאָטער? בענטש מיך אויך, מיין פאָטער. און עשׂו האָט אויפגעהויבן זיין קול און האָט געוויינט. 39 האָט זיין פאָטער יצחק זיך אָפּגערופן און האָט צו אים געזאָגט:

זע, ווייט פון די פעטקייטן פון דער ערד וועט זיין דיין וווינונג,     און דיין ברודער וועסטו דינען;
און אָן דעם הימלס טוי פון אויבן;     40 און עס וועט זיין, אַז דו וועסט זיך אָפּרייסן,
און אויף דיין שווערד וועסטו לעבן,     וועסטו אַראָפּוואַרפן זיין יאָך פון דיין האַלדז.

41 און עשׂו האָט פיינט געקריגן יעקבן איבער דער ברכה וואָס זיין פאָטער האָט אים געבענטשט, און עשׂו האָט געזאָגט ביי זיך אין האַרצן: זאָלן אָנקומען די טרויערטעג נאָך מיין פאָטער, און איך וועל הרגען מיין ברודער יעקבן.

42 זיינען דערציילט געוואָרן רבקהן די ווערטער פון איר עלטערן זון עשׂון, און זי האָט געשיקט און האָט גערופן איר יינגערן זון יעקבן, און האָט צו אים געזאָגט: זע, דיין ברודער עשׂו טרייסט זיך וועגן דיר, אַז ער וועט דיך הרגען. 43 און אַצונד, מיין זון, הער צו מיין קול, און שטיי אויף, אַנטלויף דיר צו מיין ברודער לָבָנען קיין חָרָן. 44 און וועסט זיצן ביי אים עטלעכע יאָר, ביז וואַנען דער גרימצאָרן פון דיין ברודער וועט אָפּגיין; 45 ביז דער כּעס פון דיין ברודער וועט זיך אָפּקערן פון דיר, און ער וועט פאַרגעסן וואָס דו האָסט אים געטאָן; און איך וועל שיקן, און וועל דיך אָפּנעמען פון דאָרטן. נאָך וואָס זאָל איך אָנווערן אייך ביידן אין איין טאָג?

46 און רבקה האָט געזאָגט צו יצחקן: מיין לעבן איז מיר נמאס פון וועגן די טעכטער פון חֵת; אויב יעקב נעמט אַ ווייב פון די טעכטער פון חֵת, אַזוי ווי די דאָזיקע, פון די טעכטער פון לאַנד, וואָס טויג מיר דאָס לעבן?

[א] זע כה, 26.

## כח

א וַיִּקְרָא יִצְחָק אֶל־יַעֲקֹב וַיְבָרֶךְ אֹתוֹ וַיְצַוֵּהוּ וַיֹּאמֶר לוֹ לֹא־
ב תִקַּח אִשָּׁה מִבְּנוֹת כְּנָעַן׃ קוּם לֵךְ פַּדֶּנָה אֲרָם בֵּיתָה
בְתוּאֵל אֲבִי אִמֶּךָ וְקַח־לְךָ מִשָּׁם אִשָּׁה מִבְּנוֹת לָבָן אֲחִי
ג אִמֶּךָ׃ וְאֵל שַׁדַּי יְבָרֵךְ אֹתְךָ וְיַפְרְךָ וְיַרְבֶּךָ וְהָיִיתָ לִקְהַל
ד עַמִּים׃ וְיִתֶּן־לְךָ אֶת־בִּרְכַּת אַבְרָהָם לְךָ וּלְזַרְעֲךָ אִתָּךְ
לְרִשְׁתְּךָ אֶת־אֶרֶץ מְגֻרֶיךָ אֲשֶׁר־נָתַן אֱלֹהִים לְאַבְרָהָם׃
שב׳ וַיִּשְׁלַח יִצְחָק אֶת־יַעֲקֹב וַיֵּלֶךְ פַּדֶּנָה אֲרָם אֶל־לָבָן בֶּן
ו בְּתוּאֵל הָאֲרַמִּי אֲחִי רִבְקָה אֵם יַעֲקֹב וְעֵשָׂו׃ וַיַּרְא עֵשָׂו
כִּי־בֵרַךְ יִצְחָק אֶת־יַעֲקֹב וְשִׁלַּח אֹתוֹ פַּדֶּנָה אֲרָם לָקַחַת־
לוֹ מִשָּׁם אִשָּׁה בְּבָרְכוֹ אֹתוֹ וַיְצַו עָלָיו לֵאמֹר לֹא־תִקַּח
מפ׳ אִשָּׁה מִבְּנוֹת כְּנָעַן׃ וַיִּשְׁמַע יַעֲקֹב אֶל־אָבִיו וְאֶל־אִמּוֹ
ח וַיֵּלֶךְ פַּדֶּנָה אֲרָם׃ וַיַּרְא עֵשָׂו כִּי רָעוֹת בְּנוֹת כְּנָעַן בְּעֵינֵי
ט יִצְחָק אָבִיו׃ וַיֵּלֶךְ עֵשָׂו אֶל־יִשְׁמָעֵאל וַיִּקַּח אֶת־מָחֲלַת ׀ בַּת־
יִשְׁמָעֵאל בֶּן־אַבְרָהָם אֲחוֹת נְבָיוֹת עַל־נָשָׁיו לוֹ לְאִשָּׁה׃

ס

כח 1 האָט יצחק גערופן יעקבן, און האָט אים געבענטשט, און האָט אים באַפוילן, און האָט צו אים געזאָגט: זאָלסט ניט נעמען אַ ווייב פון די טעכטער פון כנען. 2 שטיי אויף, גיי קיין פּדן־אָרם, צו דעם הויז פון בתואל, דיין מוטערס פאָטער, און נעם דיר פון דאָרטן אַ ווייב פון די טעכטער פון לָבן, דיין מוטערס ברודער. 3 און גאָט שַדַי וועט דיך בענטשן, און וועט דיך פרוכפּערן און דיך מערן, און וועסט ווערן אַ געזעמל פעלקער. 4 און ער וועט דיר געבן די ברכה פון אַברהמען, דיר און דיין זאָמען מיט דיר, כדי זאָלסט אַרבן דאָס לאַנד פון דיין וווינשאַפט, וואָס גאָט האָט געגעבן צו אַברהמען.

5 און יצחק האָט אַוועקגעשיקט יעקבן, און ער איז געגאַנגען קיין פּדן־אָרם, צו לָבן דעם זון פון בתואל דעם אַרמי, דעם ברודער פון רבקה, דער מוטער פון יעקבן און עֵשָׂון.

6 און עֵשָׂו האָט געזען אַז יצחק האָט געבענטשט יעקבן, און האָט אים אַוועקגעשיקט קיין פּדן־אָרם, זיך צו נעמען אַ ווייב פון דאָרטן; אַז ווען ער האָט אים געבענטשט, האָט ער אים באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט נעמען אַ ווייב פון די טעכטער פון כנען; 7 און יעקב האָט צוגעהערט צו זיין פאָטער און צו זיין מוטער, און איז געגאַנגען קיין פּדן־אָרם. 8 און עֵשָׂו האָט געזען אַז די טעכטער פון כנען זיינען שלעכט אין די אויגן פון זיין פאָטער יצחקן, 9 און עֵשָׂו איז געגאַנגען צו יִשמָעאלן, און האָט, צו זיינע אַנדערע ווייבער, זיך גענומען פאַר אַ ווייב מָחלַת די טאָכטער פון יִשמָעאל, אַברהמס זון, די שוועסטער פון נבָיותן.

## וַיֵּצֵא

י יא וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה׃ וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם וַיָּלֶן
שָׁם כִּי־בָא הַשֶּׁמֶשׁ וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו
יב וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא׃ וַיַּחֲלֹם וְהִנֵּה סֻלָּם מֻצָּב אַרְצָה
וְרֹאשׁוֹ מַגִּיעַ הַשָּׁמָיְמָה וְהִנֵּה מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים עֹלִים וְיֹרְדִים
יג בּוֹ׃ וְהִנֵּה יְהוָה נִצָּב עָלָיו וַיֹּאמַר אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵי אַבְרָהָם
אָבִיךָ וֵאלֹהֵי יִצְחָק הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה שֹׁכֵב עָלֶיהָ לְךָ
יד אֶתְּנֶנָּה וּלְזַרְעֶךָ׃ וְהָיָה זַרְעֲךָ כַּעֲפַר הָאָרֶץ וּפָרַצְתָּ יָמָּה
וָקֵדְמָה וְצָפֹנָה וָנֶגְבָּה וְנִבְרְכוּ בְךָ כָּל־מִשְׁפְּחֹת הָאֲדָמָה
טו וּבְזַרְעֶךָ׃ וְהִנֵּה אָנֹכִי עִמָּךְ וּשְׁמַרְתִּיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר־תֵּלֵךְ
וַהֲשִׁבֹתִיךָ אֶל־הָאֲדָמָה הַזֹּאת כִּי לֹא אֶעֱזָבְךָ עַד אֲשֶׁר אִם־
טז עָשִׂיתִי אֵת אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי לָךְ׃ וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר

ב׳ ה׳ ו׳ ז׳ פַּדֶּנָה כצ״ל בהעמדה תחת הנון

10 און יעקב איז אַרויסגעגאַנגען פון באֵר־שֶבַע, און איז געגאַנגען קיין חָרָן. 11 און ער האָט געטראָפן אַן אָרט, און איז דאָרטן געבליבן נעכטיקן, וואָרום די זון איז אונטערגעגאַנגען; און ער האָט גענומען פון די שטיינער פון דעם אָרט, און געמאַכט פאַר זיין צוקאָפּנס, און האָט זיך געלייגט אין יענעם אָרט. 12 האָט זיך אים געחלומט, ערשט אַ לייטער שטייט אויף דער ערד, און זיין שפּיץ גרייכט ביזן הימל, און זע, מלאָכים פון גאָט גייען אַרויף און נידערן אַראָפּ אויף אים. 13 און אָט שטייט גאָט איבער אים, און ער זאָגט: איך בין יהוה דער גאָט פון דיין פאָטער אַברהמען, און דער גאָט פון יצחקן. דאָס לאַנד וואָס דו ליגסט דערויף, צו דיר וועל איך עס געבן, און צו דיין זאָמען. 14 און דיין זאָמען וועט זיין אַזוי ווי שטויב פון דער ערד, און וועסט זיך אויסשפּרייטן קיין מערב און קיין מזרח און קיין צפון און קיין דָרום, און בענטשן וועלן זיך מיט דיר און מיט דיין זאָמען אַלע משפחות פון דער ערד. 15 און זע, איך וועל זיין מיט דיר, און איך וועל דיך היטן אומעטום ווו דו וועסט גיין, און איך וועל דיך אומקערן צו דערדאָזיקער ערד, וואָרום איך וועל דיך ניט פאַר־לאָזן, ביז וואַנען איך האָב געטאָן וואָס איך האָב דיר צוגעזאָגט.

16 האָט יעקב זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָר, גאָט איז פאַראַן אין

יז אָכֵן יֵשׁ יְהוָה בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי׃ וַיִּירָא וַיֹּאמַר
מַה־נּוֹרָא הַמָּקוֹם הַזֶּה אֵין זֶה כִּי אִם־בֵּית אֱלֹהִים וְזֶה
יח שַׁעַר הַשָּׁמָיִם׃ וַיַּשְׁכֵּם יַעֲקֹב בַּבֹּקֶר וַיִּקַּח אֶת־הָאֶבֶן אֲשֶׁר־
שָׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיָּשֶׂם אֹתָהּ מַצֵּבָה וַיִּצֹק שֶׁמֶן עַל־רֹאשָׁהּ׃
יט וַיִּקְרָא אֶת־שֵׁם־הַמָּקוֹם הַהוּא בֵּית־אֵל וְאוּלָם לוּז שֵׁם־
כ הָעִיר לָרִאשֹׁנָה׃ וַיִּדַּר יַעֲקֹב נֶדֶר לֵאמֹר אִם־יִהְיֶה
אֱלֹהִים עִמָּדִי וּשְׁמָרַנִי בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי הוֹלֵךְ וְנָתַן
כא לִי לֶחֶם לֶאֱכֹל וּבֶגֶד לִלְבֹּשׁ׃ וְשַׁבְתִּי בְשָׁלוֹם אֶל־בֵּית אָבִי
כב וְהָיָה יְהוָה לִי לֵאלֹהִים׃ וְהָאֶבֶן הַזֹּאת אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי מַצֵּבָה
יִהְיֶה בֵּית אֱלֹהִים וְכֹל אֲשֶׁר תִּתֶּן־לִי עַשֵּׂר אֲעַשְּׂרֶנּוּ לָךְ׃

## כט

שני וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב רַגְלָיו וַיֵּלֶךְ אַרְצָה בְנֵי־קֶדֶם׃ וַיַּרְא וְהִנֵּה
ב בְאֵר בַּשָּׂדֶה וְהִנֵּה־שָׁם שְׁלֹשָׁה עֶדְרֵי־צֹאן רֹבְצִים עָלֶיהָ
כִּי מִן־הַבְּאֵר הַהִוא יַשְׁקוּ הָעֲדָרִים וְהָאֶבֶן גְּדֹלָה עַל־
ג פִּי הַבְּאֵר׃ וְנֶאֶסְפוּ־שָׁמָּה כָל־הָעֲדָרִים וְגָלֲלוּ אֶת־הָאֶבֶן
מֵעַל פִּי הַבְּאֵר וְהִשְׁקוּ אֶת־הַצֹּאן וְהֵשִׁיבוּ אֶת־הָאֶבֶן עַל־
ד פִּי הַבְּאֵר לִמְקֹמָהּ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם יַעֲקֹב אַחַי מֵאַיִן אַתֶּם
ה וַיֹּאמְרוּ מֵחָרָן אֲנָחְנוּ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם הַיְדַעְתֶּם אֶת־לָבָן
ו בֶּן־נָחוֹר וַיֹּאמְרוּ יָדָעְנוּ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם הֲשָׁלוֹם לוֹ וַיֹּאמְרוּ
ז שָׁלוֹם וְהִנֵּה רָחֵל בִּתּוֹ בָּאָה עִם־הַצֹּאן׃ וַיֹּאמֶר הֵן עוֹד
הַיּוֹם גָּדוֹל לֹא־עֵת הֵאָסֵף הַמִּקְנֶה הַשְׁקוּ הַצֹּאן וּלְכוּ
ח רְעוּ׃ וַיֹּאמְרוּ לֹא נוּכַל עַד אֲשֶׁר יֵאָסְפוּ כָּל־הָעֲדָרִים
ט וְגָלֲלוּ אֶת־הָאֶבֶן מֵעַל פִּי הַבְּאֵר וְהִשְׁקִינוּ הַצֹּאן׃ עוֹדֶנּוּ
מְדַבֵּר עִמָּם וְרָחֵל בָּאָה עִם־הַצֹּאן אֲשֶׁר לְאָבִיהָ כִּי רֹעָה
י הִוא׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר רָאָה יַעֲקֹב אֶת־רָחֵל בַּת־לָבָן אֲחִי
אִמּוֹ וְאֶת־צֹאן לָבָן אֲחִי אִמּוֹ וַיִּגַּשׁ יַעֲקֹב וַיָּגֶל אֶת־הָאֶבֶן
יא מֵעַל פִּי הַבְּאֵר וַיַּשְׁקְ אֶת־צֹאן לָבָן אֲחִי אִמּוֹ׃ וַיִּשַּׁק יַעֲקֹב

כח, יח׳ צ׳ רפה

דעמדאָזיקן אָרט, און איך האָב ניט געוווּסט. [17] און ער
האָט מורא געהאַט, און האָט געזאָגט: ווי מוראדיק איז
דערדאָזיקער אָרט! דאָס איז ניט אַנדערש ווי דאָס הויז
פון גאָט, און דאָס איז דער טויער פון הימל.

[18] און יעקב האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, און
ער האָט גענומען דעם שטיין וואָס ער האָט געמאַכט פאַר
זיין צוקאָפּנס, און האָט אים געמאַכט פאַר אַ זיילשטיין,
און ער האָט אַרויפגעגאָסן אייל אויף זיין שפּיץ. [19] און
ער האָט גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט בית־אל[א],
אָבער לוז איז געווען דער נאָמען פון דער שטאָט צוערשט.
[20] און יעקב האָט אַ נדר געטאָן, אַזוי צו זאָגן: אויב גאָט
וועט זיין מיט מיר, און וועט מיך היטן אויף דעמדאָזיקן
וועג וואָס איך גיי, און ער וועט מיר געבן ברויט צום עסן,
און אַ בגד אָנצוטאָן, [21] און איך וועל מיך אומקערן בשלום
צו מיין פאָטערס הויז, וועט יהוה מיר זיין צום גאָט. [22] און
דערדאָזיקער שטיין וואָס איך האָב געמאַכט פאַר אַ זייל־
שטיין, וועט זיין אַ הויז פון גאָט; און פון אַלץ וואָס דו
וועסט מיר געבן, וועל איך מעשׂרן מעשׂר צו דיר.

כט [1] און יעקב האָט אויפגעהויבן זיינע פיס, און איז גע־
גאַנגען צו דעם לאַנד פון די קינדער פון מזרח. [2] און
ער האָט אַ קוק געטאָן, ערשט אַ ברונעם איז אין פעלד,
און זע, דריי סטאַדעס שאָף הויערן דאָרטן ביי אים;
וואָרום פון יענעם ברונעם פלעגט מען אָנטרינקען די
סטאַדעס, און דער שטיין אויפן מויל פון ברונעם איז געווען גרויס. [3] און אַז דאָרטן האָבן זיך צונויפגעזאַמלט
אַלע סטאַדעס, האָט מען אַראָפּגעקייקלט דעם שטיין פון דעם מויל פון ברונעם, און מע האָט אָנגעטרונקען די שאָף,
און אומגעקערט דעם שטיין אויפן מויל פון דעם ברונעם אויף זיין אָרט.
[4] האָט יעקב צו זיי געזאָגט: פון וואַנען זייט איר, מיינע ברידער? האָבן זיי געזאָגט: פון חָרן זיינען מיר.
[5] האָט ער צו זיי געזאָגט: קענט איר לָבָן דעם זון פון נָחורן? האָבן זיי געזאָגט: מיר קענען. [6] האָט ער צו זיי געזאָגט:
איז פריד צו אים? האָבן זיי געזאָגט: פריד; און אָט קומט זיין טאָכטער רחל מיט די שאָף. [7] האָט ער צו זיי געזאָגט:
זעט, דער טאָג איז נאָך גרויס, נאָך ניט צייט דאָס פי זאָל איינגעזאַמלט ווערן; טרינקט אָן די שאָף, און גייט פּיטערט.
[8] האָבן זיי געזאָגט: מיר קענען ניט, ביז וואַנען אַלע סטאַדעס וועלן זיך צונויפזאַמלען, און מע וועט אַראָפּקייקלען
דעם שטיין פון דעם מויל פון ברונעם; און מיר וועלן אָנטרינקען די שאָף.
[9] ווי ער רעדט נאָך מיט זיי, אַזוי איז רחל אונטערגעקומען מיט איר פאָטערס שאָף; וואָרום זי איז געווען
אַ פאַסטוכערין. [10] און עס איז געווען, ווי יעקב האָט דערזען רחלען, די טאָכטער פון לָבָן, זיין מוטערס
ברודער, און די שאָף פון לָבָן, זיין מוטערס ברודער, אַזוי האָט יעקב גענענט, און האָט אַראָפּגעקייקלט דעם שטיין
פון דעם מויל פון ברונעם, און האָט אָנגעטרונקען די שאָף פון לָבָן, זיין מוטערס ברודער. [11] און יעקב האָט געקושט

[א] דאָס הויז פון גאָט.

לְרָחֵל וַיִּשָּׂא אֶת־קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ׃ וַיַּגֵּד יַעֲקֹב לְרָחֵל כִּי אֲחִי יב
אָבִיהָ הוּא וְכִי בֶן־רִבְקָה הוּא וַתָּרָץ וַתַּגֵּד לְאָבִיהָ׃ וַיְהִי יג
כִשְׁמֹעַ לָבָן אֶת־שֵׁמַע ׀ יַעֲקֹב בֶּן־אֲחֹתוֹ וַיָּרָץ לִקְרָאתוֹ
וַיְחַבֶּק־לוֹ וַיְנַשֶּׁק־לוֹ וַיְבִיאֵהוּ אֶל־בֵּיתוֹ וַיְסַפֵּר לְלָבָן אֵת
כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר לוֹ לָבָן אַךְ עַצְמִי וּבְשָׂרִי יד
אָתָּה וַיֵּשֶׁב עִמּוֹ חֹדֶשׁ יָמִים׃ וַיֹּאמֶר לָבָן לְיַעֲקֹב הֲכִי־ טו
אָחִי אַתָּה וַעֲבַדְתַּנִי חִנָּם הַגִּידָה לִּי מַה־מַּשְׂכֻּרְתֶּךָ׃
וּלְלָבָן שְׁתֵּי בָנוֹת שֵׁם הַגְּדֹלָה לֵאָה וְשֵׁם הַקְּטַנָּה רָחֵל׃ טז
וְעֵינֵי לֵאָה רַכּוֹת וְרָחֵל הָיְתָה יְפַת־תֹּאַר וִיפַת מַרְאֶה׃ יז
וַיֶּאֱהַב יַעֲקֹב אֶת־רָחֵל וַיֹּאמֶר אֶעֱבָדְךָ שֶׁבַע שָׁנִים בְּרָחֵל של׳
בִּתְּךָ הַקְּטַנָּה׃ וַיֹּאמֶר לָבָן טוֹב תִּתִּי אֹתָהּ לָךְ מִתִּתִּי יט
אֹתָהּ לְאִישׁ אַחֵר שְׁבָה עִמָּדִי׃ וַיַּעֲבֹד יַעֲקֹב בְּרָחֵל שֶׁבַע כ
שָׁנִים וַיִּהְיוּ בְעֵינָיו כְּיָמִים אֲחָדִים בְּאַהֲבָתוֹ אֹתָהּ׃ וַיֹּאמֶר כא
יַעֲקֹב אֶל־לָבָן הָבָה אֶת־אִשְׁתִּי כִּי מָלְאוּ יָמָי וְאָבוֹאָה
אֵלֶיהָ׃ וַיֶּאֱסֹף לָבָן אֶת־כָּל־אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם וַיַּעַשׂ מִשְׁתֶּה׃ כב
וַיְהִי בָעֶרֶב וַיִּקַּח אֶת־לֵאָה בִתּוֹ וַיָּבֵא אֹתָהּ אֵלָיו וַיָּבֹא כג
אֵלֶיהָ׃ וַיִּתֵּן לָבָן לָהּ אֶת־זִלְפָּה שִׁפְחָתוֹ לְלֵאָה בִתּוֹ שִׁפְחָה׃ כד
וַיְהִי בַבֹּקֶר וְהִנֵּה־הִוא לֵאָה וַיֹּאמֶר אֶל־לָבָן מַה־זֹּאת כה
עָשִׂיתָ לִּי הֲלֹא בְרָחֵל עָבַדְתִּי עִמָּךְ וְלָמָּה רִמִּיתָנִי׃ וַיֹּאמֶר כו
לָבָן לֹא־יֵעָשֶׂה כֵן בִּמְקוֹמֵנוּ לָתֵת הַצְּעִירָה לִפְנֵי הַבְּכִירָה׃
מַלֵּא שְׁבֻעַ זֹאת וְנִתְּנָה לְךָ גַּם־אֶת־זֹאת בַּעֲבֹדָה אֲשֶׁר כז
תַּעֲבֹד עִמָּדִי עוֹד שֶׁבַע־שָׁנִים אֲחֵרוֹת׃ וַיַּעַשׂ יַעֲקֹב כֵּן כח
וַיְמַלֵּא שְׁבֻעַ זֹאת וַיִּתֶּן־לוֹ אֶת־רָחֵל בִּתּוֹ לוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיִּתֵּן כט
לָבָן לְרָחֵל בִּתּוֹ אֶת־בִּלְהָה שִׁפְחָתוֹ לָהּ לְשִׁפְחָה׃ וַיָּבֹא ל
גַּם אֶל־רָחֵל וַיֶּאֱהַב גַּם־אֶת־רָחֵל מִלֵּאָה וַיַּעֲבֹד עִמּוֹ עוֹד
שֶׁבַע־שָׁנִים אֲחֵרוֹת׃ וַיַּרְא יְהוָה כִּי־שְׂנוּאָה לֵאָה וַיִּפְתַּח לא
אֶת־רַחְמָהּ וְרָחֵל עֲקָרָה׃ וַתַּהַר לֵאָה וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא לב

רחלען, און האָט אויפגעהויבן זיין קָול און האָט געוויינט. [12] און יעקב האָט דערציילט רחלען אַז ער איז איר פאָטערס אַן אייגענער, און אַז ער איז רבקהס אַ זון; און זי איז געלאָפן, און האָט אָנגעזאָגט איר פאָטער.

[13] און עס איז געווען, ווי לָבָן האָט געהערט די הערונג וועגן יעקב, זיין שוועסטערס זון, אַזוי איז ער אים געלאָפן אַנטקעגן, און ער האָט אים געהאַלדזט און אים געקושט, און האָט אים אַריינגעבראַכט אין זיין הויז. און ער האָט דערציילט לָבָנען אַלע יענע געשעענישן. [14] און לָבָן האָט צו אים געזאָגט: פאַרוואָר, מיין ביין און מיין פלייש ביסטו.

און ער איז געזעסן ביי אים אַ חודש צייט.

[15] האָט לָבָן געזאָגט צו יעקבן: צי ווייל דו ביסט מיינער אַן אייגענער, זאָלסטו מיר דינען אומזיסט? זאָג מיר וואָס איז דיין לוין. [16] און לָבָן האָט געהאַט צוויי טעכטער; דער נאָמען פון דער עלטערער איז געווען לאה, און דער נאָמען פון דער יִנגערער רחל. [17] און לאהס אויגן זיינען געווען שלאַפע, און רחל איז געווען שיין אויפן געשטאַלט, און שיין אויפן פנים. [18] און יעקב האָט ליב געקריגן רחלען; און ער האָט געזאָגט: איך וועל דיר דינען זיבן יאָר פאַר דיין יִנגערער טאָכטער רחלען. [19] האָט לָבָן געזאָגט: בעסער איך זאָל זי דיר געבן, איידער איך זאָל זי געבן צו אַן אַנדער מאַן; בלייב ביי מיר.

[20] און יעקב האָט געדינט פאַר רחלען זיבן יאָר, און זיי זיינען געווען אין זיינע אויגן אַזוי ווי עטלעכע טעג, פון זיין ליבשאַפט צו איר. [21] און יעקב האָט געזאָגט צו לָבָנען: גיב מיר מיין ווייב, וואָרום מיינע טעג זיינען דער־פילט געוואָרן; און איך וועל קומען צו איר.

[22] האָט לָבָן אַיינגעזאַמלט אַלע מענטשן פון דעם אָרט, און ער האָט געמאַכט אַ מאָלצייט. [23] און עס איז געווען אין אָוונט, האָט ער גענומען זיין טאָכטער לאהן, און האָט זי געבראַכט צו אים, און ער איז געקומען צו איר. [24] און לָבָן האָט איר געגעבן זיין דינסט זִלפָּהן—פאַר אַ דינסט צו זיין טאָכטער לאהן.

[25] און עס איז געווען אין דער פרי, ערשט דאָס איז לאה. האָט ער געזאָגט צו לָבָנען: וואָס האָסטו מיר דאָ גע־טאָן? האָב איך ניט געדינט ביי דיר פאַר רחלען, און פאַרוואָס האָסטו מיך גענאַרט? [26] האָט לָבָן געזאָגט: עס ווערט ניט געטאָן אַזוי אין אונדזער מקום, אויסצוגעבן די יִנגערע פאַר דער עלטערער. [27] דערפיל די וואָך פון דער, און מיר וועלן דיר אויך יענע געבן, פאַר דעם דינסט וואָס דו וועסט דינען ביי מיר נאָך זיבן אַנדערע יאָר.

[28] האָט יעקב אַזוי געטאָן, און ער האָט דערפילט די וואָך פון דער; און ער האָט אים געגעבן זיין טאָכטער רחלען, אים פאַר אַ ווייב. [29] און לָבָן האָט געגעבן צו זיין טאָכטער רחלען זיין דינסט בִלְהָהן פאַר אַ דִינסט צו איר.

[30] און ער איז געקומען אויך צו רחלען. און ער האָט רחלען אויך מער ליב געהאַט פון לאהן; און ער האָט גע־דינט ביי אים נאָך זיבן אַנדערע יאָר.

[31] און גאָט האָט געזען אַז לאה איז אומבאַליבט, און ער האָט געעפנט איר טראַכט; און רחל איז גע־ווען אַן עקרה. [32] און לאה איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט גערופן זיין

נאָמען ראוּבֵן, ווייל זי האָט געזאָגט: יאָ, גאָט האָט געזען מיין פּיין[א], וואָרום אַצונד וועט מיך מיין מאַן ליב האָבן. [33] און זי איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט געזאָגט: ווייל גאָט האָט געהערט[ב] אַז איך בין אומבאַליבט, דרום האָט ער מיר געגעבן אויך דעמדאָזיקן; און זי האָט גערופן זיין נאָמען שִׁמְעוֹן. [34] און זי איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט געזאָגט: אַצונד דאָס מאָל וועט מיין מאַן ווערן צוגעטאָן[ג] צו מיר, ווייל איך האָב אים געבאָרן דריי זין; דרום האָט מען גערופן זיין נאָמען לֵוִי. [35] און זי איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט געזאָגט: דאָס מאָל טו איך לויבן[ד] גאָט; דרום האָט זי גערופן זיין נאָמען יהוּדָה. און זי האָט אויפגעהערט געבערן.

ל [1] און אַז רחל האָט געזען אַז זי געבערט ניט פון יעקבן, האָט רחל מקנא געווען איר שוועסטער, און זי האָט געזאָגט צו יעקבן: גיב מיר קינדער, אַניט שטאַרב איך. [2] האָט דער צאָרן פון יעקבן געגרימט אויף רחלען, און ער האָט געזאָגט: בין איך דען אויף דעם אָרט פון גאָט, וואָס האָט פאַרמיטן פון דיר פּרוכט פון לייב? [3] האָט זי געזאָגט: אָט איז מיין דינסט בִּלְהָה, קום צו איר, און זי וועט געבערן אויף מיינע קני, און אויך איך וועל אויפגעריכט ווערן פון איר.

שְׁמוֹ רְאוּבֵן כִּי אָמְרָה כִּי־רָאָה יְהוָה בְּעָנְיִי כִּי עַתָּה
לג יֶאֱהָבַנִי אִישִׁי׃ וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן וַתֹּאמֶר כִּי־שָׁמַע
יְהוָה כִּי־שְׂנוּאָה אָנֹכִי וַיִּתֶּן־לִי גַּם־אֶת־זֶה וַתִּקְרָא שְׁמוֹ
לד שִׁמְעוֹן׃ וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן וַתֹּאמֶר עַתָּה הַפַּעַם יִלָּוֶה
אִישִׁי אֵלַי כִּי־יָלַדְתִּי לוֹ שְׁלשָׁה בָנִים עַל־כֵּן קָרָא־שְׁמוֹ
לה לֵוִי׃ וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן וַתֹּאמֶר הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת־
יְהוָה עַל־כֵּן קָרְאָה שְׁמוֹ יְהוּדָה וַתַּעֲמֹד מִלֶּדֶת׃

ל

א וַתֵּרֶא רָחֵל כִּי לֹא יָלְדָה לְיַעֲקֹב וַתְּקַנֵּא רָחֵל בַּאֲחֹתָהּ
וַתֹּאמֶר אֶל־יַעֲקֹב הָבָה־לִּי בָנִים וְאִם־אַיִן מֵתָה אָנֹכִי׃
ב וַיִּחַר־אַף יַעֲקֹב בְּרָחֵל וַיֹּאמֶר הֲתַחַת אֱלֹהִים אָנֹכִי אֲשֶׁר־
ג מָנַע מִמֵּךְ פְּרִי־בָטֶן׃ וַתֹּאמֶר הִנֵּה אֲמָתִי בִלְהָה בֹּא אֵלֶיהָ
ד וְתֵלֵד עַל־בִּרְכַּי וְאִבָּנֶה גַם־אָנֹכִי מִמֶּנָּה׃ וַתִּתֶּן־לוֹ אֶת־
ה בִּלְהָה שִׁפְחָתָהּ לְאִשָּׁה וַיָּבֹא אֵלֶיהָ יַעֲקֹב׃ וַתַּהַר בִּלְהָה
ו וַתֵּלֶד לְיַעֲקֹב בֵּן׃ וַתֹּאמֶר רָחֵל דָּנַנִּי אֱלֹהִים וְגַם שָׁמַע
ז בְּקֹלִי וַיִּתֶּן־לִי בֵּן עַל־כֵּן קָרְאָה שְׁמוֹ דָּן׃ וַתַּהַר עוֹד
ח וַתֵּלֶד בִּלְהָה שִׁפְחַת רָחֵל בֵּן שֵׁנִי לְיַעֲקֹב׃ וַתֹּאמֶר רָחֵל
נַפְתּוּלֵי אֱלֹהִים ׀ נִפְתַּלְתִּי עִם־אֲחֹתִי גַּם־יָכֹלְתִּי וַתִּקְרָא
ט שְׁמוֹ נַפְתָּלִי׃ וַתֵּרֶא לֵאָה כִּי עָמְדָה מִלֶּדֶת וַתִּקַּח אֶת־
י זִלְפָּה שִׁפְחָתָהּ וַתִּתֵּן אֹתָהּ לְיַעֲקֹב לְאִשָּׁה׃ וַתֵּלֶד זִלְפָּה
יא שִׁפְחַת לֵאָה לְיַעֲקֹב בֵּן׃ וַתֹּאמֶר לֵאָה בָּגָד וַתִּקְרָא אֶת־
יב שְׁמוֹ גָּד׃ וַתֵּלֶד זִלְפָּה שִׁפְחַת לֵאָה בֵּן שֵׁנִי לְיַעֲקֹב׃
יג וַתֹּאמֶר לֵאָה בְּאָשְׁרִי כִּי אִשְּׁרוּנִי בָּנוֹת וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ
רב׳ אָשֵׁר׃ וַיֵּלֶךְ רְאוּבֵן בִּימֵי קְצִיר־חִטִּים וַיִּמְצָא דוּדָאִים
בַּשָּׂדֶה וַיָּבֵא אֹתָם אֶל־לֵאָה אִמּוֹ וַתֹּאמֶר רָחֵל אֶל־לֵאָה
טו תְּנִי־נָא לִי מִדּוּדָאֵי בְּנֵךְ׃ וַתֹּאמֶר לָהּ הַמְעַט קַחְתֵּךְ אֶת־
אִישִׁי וְלָקַחַת גַּם אֶת־דּוּדָאֵי בְּנִי וַתֹּאמֶר רָחֵל לָכֵן יִשְׁכַּב

ל, יא׳ בא גד קרי

[4] און זי האָט אים געגעבן איר דינסט בִּלְהָהן פאַר אַ ווייב, און יעקב איז צו איר געקומען. [5] און בִּלְהָה איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט יעקבן געבאָרן אַ זון. [6] און רחל האָט געזאָגט: גאָט האָט זיך פאַר מיר אָנגענומען[ה], און האָט אויך מיין קָול צוגעהערט, און מיר געגעבן אַ זון; דרום האָט זי גערופן זיין נאָמען דָן. [7] און בִּלְהָה, רחלס דינסט, איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט יעקבן געבאָרן אַ צווייטן זון. [8] און רחל האָט געזאָגט: שטאַרקע ראַנגלענישן האָב איך זיך געראַנגלט[ו] מיט מיין שוועסטער, און איך בין בייגעקומען; דרום האָט זי גערופן זיין נאָמען נַפְתָּלִי.

[9] און לאה האָט געזען אַז זי האָט אויפגעהערט געבערן, האָט זי גענומען איר דינסט זלפָּהן, און זי געגעבן יעקבן פאַר אַ ווייב. [10] און זלפָּה, לאהס דינסט, האָט יעקבן געבאָרן אַ זון. [11] האָט לאה געזאָגט: מזל[ז] איז געקומען; און זי האָט גערופן זיין נאָמען גָד. [12] און זלפָּה, לאהס דינסט, האָט יעקבן געבאָרן אַ צווייטן זון. [13] האָט לאה געזאָגט: אויף מיין גליקח! וואָרום די טעכטער וועלן מיך שאַצן גליקלעך; און זי האָט גערופן זיין נאָמען אָשֵׁר.

[14] און ראובן איז געגאַנגען אין די טעג פון ווייצשניט, און האָט געפונען ליבעפּעלעך אין פעלד, און האָט זיי געבראַכט צו זיין מוטער לאהן. האָט רחל געזאָגט צו לאהן: גיב מיר, איך בעט דיך, פון דיין זונס ליבעפּעלעך. [15] האָט זי געזאָגט צו איר: ווינציק וואָס דו האָסט צוגענומען מיין מאַן, ווילסטו נאָך צונעמען מיין זונס ליבעפּעלעך? האָט רחל

[א] רָאָה בְּעָנְיִי. [ב] שָׁמַע. [ג] יִלָּוֶה. [ד] אוֹדֶה. [ה] דָּנַנִּי. [ו] נִפְתַּלְתִּי. [ז] גָּד. [ח] בְּאָשְׁרִי.

עִמִּי הַלַּיְלָה תַּחַת דּוּדָאֵי בְנֵךְ׃ וַיָּבֹא יַעֲקֹב מִן־הַשָּׂדֶה
טז בָּעֶרֶב וַתֵּצֵא לֵאָה לִקְרָאתוֹ וַתֹּאמֶר אֵלַי תָּבוֹא כִּי שָׂכֹר
שְׂכַרְתִּיךָ בְּדוּדָאֵי בְּנִי וַיִּשְׁכַּב עִמָּהּ בַּלַּיְלָה הוּא׃ וַיִּשְׁמַע
יז אֱלֹהִים אֶל־לֵאָה וַתַּהַר וַתֵּלֶד לְיַעֲקֹב בֵּן חֲמִישִׁי׃ וַתֹּאמֶר
יח לֵאָה נָתַן אֱלֹהִים שְׂכָרִי אֲשֶׁר־נָתַתִּי שִׁפְחָתִי לְאִישִׁי וַתִּקְרָא
שְׁמוֹ יִשָּׂשכָר׃ וַתַּהַר עוֹד לֵאָה וַתֵּלֶד בֵּן־שִׁשִּׁי לְיַעֲקֹב׃
יט וַתֹּאמֶר לֵאָה זְבָדַנִי אֱלֹהִים ׀ אֹתִי זֵבֶד טוֹב הַפַּעַם יִזְבְּלֵנִי
כ אִישִׁי כִּי־יָלַדְתִּי לוֹ שִׁשָּׁה בָנִים וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ זְבֻלוּן׃
כא וְאַחַר יָלְדָה בַּת וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמָהּ דִּינָה׃ וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים
כב אֶת־רָחֵל וַיִּשְׁמַע אֵלֶיהָ אֱלֹהִים וַיִּפְתַּח אֶת־רַחְמָהּ׃
כג וַתַּהַר וַתֵּלֶד בֵּן וַתֹּאמֶר אָסַף אֱלֹהִים אֶת־חֶרְפָּתִי׃ וַתִּקְרָא
כד אֶת־שְׁמוֹ יוֹסֵף לֵאמֹר יֹסֵף יְהוָה לִי בֵּן אַחֵר׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר
כה יָלְדָה רָחֵל אֶת־יוֹסֵף וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־לָבָן שַׁלְּחֵנִי וְאֵלְכָה
אֶל־מְקוֹמִי וּלְאַרְצִי׃ תְּנָה אֶת־נָשַׁי וְאֶת־יְלָדַי אֲשֶׁר עָבַדְתִּי
כו אֹתְךָ בָּהֵן וְאֵלֵכָה כִּי אַתָּה יָדַעְתָּ אֶת־עֲבֹדָתִי אֲשֶׁר עֲבַדְתִּיךָ׃
כז וַיֹּאמֶר אֵלָיו לָבָן אִם־נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ נִחַשְׁתִּי
וַיְבָרְכֵנִי יְהוָה בִּגְלָלֶךָ׃ וַיֹּאמַר נָקְבָה שְׂכָרְךָ עָלַי וְאֶתֵּנָה׃ חמ׳
כט וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַתָּה יָדַעְתָּ אֵת אֲשֶׁר עֲבַדְתִּיךָ וְאֵת אֲשֶׁר־
ל הָיָה מִקְנְךָ אִתִּי׃ כִּי מְעַט אֲשֶׁר־הָיָה לְךָ לְפָנַי וַיִּפְרֹץ
לָרֹב וַיְבָרֶךְ יְהוָה אֹתְךָ לְרַגְלִי וְעַתָּה מָתַי אֶעֱשֶׂה גַם־
לא אָנֹכִי לְבֵיתִי׃ וַיֹּאמֶר מָה אֶתֶּן־לָךְ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב לֹא־תִתֶּן־
לִי מְאוּמָה אִם־תַּעֲשֶׂה־לִּי הַדָּבָר הַזֶּה אָשׁוּבָה אֶרְעֶה
לב צֹאנְךָ אֶשְׁמֹר׃ אֶעֱבֹר בְּכָל־צֹאנְךָ הַיּוֹם הָסֵר מִשָּׁם כָּל־
שֶׂה ׀ נָקֹד וְטָלוּא וְכָל־שֶׂה־חוּם בַּכְּשָׂבִים וְטָלוּא וְנָקֹד
לג בָּעִזִּים וְהָיָה שְׂכָרִי׃ וְעָנְתָה־בִּי צִדְקָתִי בְּיוֹם מָחָר כִּי־
תָבוֹא עַל־שְׂכָרִי לְפָנֶיךָ כֹּל אֲשֶׁר־אֵינֶנּוּ נָקֹד וְטָלוּא בָּעִזִּים
לד וְחוּם בַּכְּשָׂבִים גָּנוּב הוּא אִתִּי׃ וַיֹּאמֶר לָבָן הֵן לוּ יְהִי

טז׳ סבירין ההוא   יט׳ צירי בסמך ובמקף

געזאָגט: דערפאַר זאָל ער ליגן מיט דיר היינטיקע נאַכט, פאַר די ליבעפּעלעך פון דיין זון.

[16] און ווי יעקב איז געקומען פון פעלד אין אָוונט, אַזוי איז לאה אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן, און האָט געזאָגט: צו מיר מוזטו קומען, וואָרום אָפּדינגען האָב איך דיך אָפּגעדונגען[א] פאַר די ליבעפּעלעך פון מיין זון. און ער איז מיט איר געלעגן אין יענער נאַכט. [17] און גאָט האָט צוגעהערט צו לאהן, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט יעקבן געבאָרן אַ פינפטן זון. [18] און לאה האָט געזאָגט: גאָט האָט געגעבן מיין שכר פאַר וואָס איך האָב געגעבן מיין דינסט צו מיין מאַן; און זי האָט גערופן זיין נאָמען יִשָּׂשכָר. [19] און לאה איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט יעקבן געבאָרן אַ זעקסטן זון. [20] און לאה האָט געזאָגט: גאָט האָט מיך באַשאָנקען מיט אַ גוטן געשאַנק[ב]; דאָס מאָל וועט מיין מאַן וווינען מיט מיר[ג], ווייל איך האָב אים געבאָרן זעקס זין; און זי האָט גערופן זיין נאָמען זבולון. [21] און דערנאָך האָט זי געבאָרן אַ טאָכטער, און זי האָט גערופן איר נאָמען דינה.

[22] און גאָט האָט געדאַכט אָן רחלען, און גאָט האָט צוגעהערט צו איר, און האָט געעפנט איר טראַכט. [23] און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון; און זי האָט געזאָגט: גאָט האָט אָפּגעטאָן[ד] מיין חרפּה. [24] און זי האָט גערופן זיין נאָמען יוסף, אַזוי צו זאָגן: גאָט זאָל מיר צוגעבן[ה] נאָך אַן אַנדער זון.

[25] און עס איז געווען, אַז רחל האָט געבאָרן יוספן, האָט יעקב געזאָגט צו לָבָנען: לאָז מיך אַוועק, און איך וועל גיין צו מיין אָרט און צו מיין לאַנד. [26] גיב מיר מיינע ווייבער און מיינע קינדער, וואָס איך האָב דיר פאַר זיי געדינט, און איך וועל גיין; וואָרום דו ווייסט מיין דינסט וואָס איך האָב דיר געדינט.

[27] האָט לָבָן צו אים געזאָגט: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן—; איך האָב געמערקט אַז גאָט האָט מיך געבענטשט פון דיינעטוועגן. [28] און ער האָט געזאָגט: זאָג מיר דיין לוין, און איך וועל געבן.

[29] האָט ער צו אים געזאָגט: דו ווייסט ווי איך האָב דיר געדינט, און וואָס דיין פי איז געוואָרן אונטער מיר; [30] וואָרום ווינציק־וואָס האָסטו געהאַט פאַר מיר, און עס האָט זיך פאַרמערט לָרוב, און גאָט האָט דיך געבענטשט אין מיינע טריט. און אַצונד, ווען וועל איך אויך טאָן פאַר מיין הויזגעזינט?

[31] האָט ער געזאָגט: וואָס זאָל איך דיר געבן? האָט יעקב געזאָגט: זאָלסט מיר גאָרנישט געבן; אויב דו וועסט מיר טאָן דידאָזיקע זאַך, וועל איך ווידער פיטערן דיינע שאָף, און היטן: [32] איך וועל דורכגיין היינט דורך אַלע דיינע שאָף, אָפּצוטאָן פון דאָרטן איטלעך געשפּרענקלט און געפלעקט לאַם, און איטלעך טונקל לאַם צווישן די שעפּסן, און געפלעקט און געשפּרענקלט צווישן די ציגן; און אַזוינס זאָל זיין מיין לוין. [33] און עדות זאָגן וועט אויף מיר מיין ערלעכקייט פאַר דיר, אין אַ שפּעטערדיקן טאָג, אַז דו וועסט קומען איבערקוקן מיין לוין: איטלעכס וואָס איז ניט געשפּרענקלט און געפלעקט צווישן די ציגן און טונקל צווישן די שעפּסן, איז דאָס אַ געגנבעטס ביי מיר.

א שָׂכֹר שְׂכַרְתִּיךָ. ב זָבֶד. ג יִזְבְּלֵנִי. ד אָסַף. ה יוֹסֵף.

לה כִּדְבָרֶךָ׃ וַיָּסַר בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־הַתְּיָשִׁים הָעֲקֻדִּים וְהַטְּלֻאִים
וְאֵת כָּל־הָעִזִּים הַנְּקֻדּוֹת וְהַטְּלֻאֹת כֹּל אֲשֶׁר־לָבָן בּוֹ וְכָל־
לו חוּם בַּכְּשָׂבִים וַיִּתֵּן בְּיַד־בָּנָיו׃ וַיָּשֶׂם דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים
לז בֵּינוֹ וּבֵין יַעֲקֹב וְיַעֲקֹב רֹעֶה אֶת־צֹאן לָבָן הַנּוֹתָרֹת׃ וַיִּקַּח־
לוֹ יַעֲקֹב מַקַּל לִבְנֶה לַח וְלוּז וְעַרְמוֹן וַיְפַצֵּל בָּהֵן פְּצָלוֹת
לח לְבָנוֹת מַחְשֹׂף הַלָּבָן אֲשֶׁר עַל־הַמַּקְלוֹת׃ וַיַּצֵּג אֶת־
הַמַּקְלוֹת אֲשֶׁר פִּצֵּל בָּרְהָטִים בְּשִׁקֲתוֹת הַמָּיִם אֲשֶׁר
תָּבֹאןָ הַצֹּאן לִשְׁתּוֹת לְנֹכַח הַצֹּאן וַיֵּחַמְנָה בְּבֹאָן לִשְׁתּוֹת׃
לט וַיֶּחֱמוּ הַצֹּאן אֶל־הַמַּקְלוֹת וַתֵּלַדְןָ הַצֹּאן עֲקֻדִּים נְקֻדִּים
מ וּטְלֻאִים׃ וְהַכְּשָׂבִים הִפְרִיד יַעֲקֹב וַיִּתֵּן פְּנֵי הַצֹּאן אֶל־עָקֹד
וְכָל־חוּם בְּצֹאן לָבָן וַיָּשֶׁת לוֹ עֲדָרִים לְבַדּוֹ וְלֹא שָׁתָם
מא עַל־צֹאן לָבָן׃ וְהָיָה בְּכָל־יַחֵם הַצֹּאן הַמְקֻשָּׁרוֹת וְשָׂם
יַעֲקֹב אֶת־הַמַּקְלוֹת לְעֵינֵי הַצֹּאן בָּרְהָטִים לְיַחְמֵנָּה
מב בַּמַּקְלוֹת׃ וּבְהַעֲטִיף הַצֹּאן לֹא יָשִׂים וְהָיָה הָעֲטֻפִים
מג לְלָבָן וְהַקְּשֻׁרִים לְיַעֲקֹב׃ וַיִּפְרֹץ הָאִישׁ מְאֹד מְאֹד וַיְהִי־
לוֹ צֹאן רַבּוֹת וּשְׁפָחוֹת וַעֲבָדִים וּגְמַלִּים וַחֲמֹרִים׃

לא

א וַיִּשְׁמַע אֶת־דִּבְרֵי בְנֵי־לָבָן לֵאמֹר לָקַח יַעֲקֹב אֵת כָּל־
אֲשֶׁר לְאָבִינוּ וּמֵאֲשֶׁר לְאָבִינוּ עָשָׂה אֵת כָּל־הַכָּבֹד הַזֶּה׃
ב וַיַּרְא יַעֲקֹב אֶת־פְּנֵי לָבָן וְהִנֵּה אֵינֶנּוּ עִמּוֹ כִּתְמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃
ג וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יַעֲקֹב שׁוּב אֶל־אֶרֶץ אֲבוֹתֶיךָ וּלְמוֹלַדְתֶּךָ
ד וְאֶהְיֶה עִמָּךְ׃ וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב וַיִּקְרָא לְרָחֵל וּלְלֵאָה הַשָּׂדֶה
ה אֶל־צֹאנוֹ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶן רֹאֶה אָנֹכִי אֶת־פְּנֵי אֲבִיכֶן כִּי־
ו אֵינֶנּוּ אֵלַי כִּתְמֹל שִׁלְשֹׁם וֵאלֹהֵי אָבִי הָיָה עִמָּדִי׃ וְאַתֵּנָה
ז יְדַעְתֶּן כִּי בְּכָל־כֹּחִי עָבַדְתִּי אֶת־אֲבִיכֶן׃ וַאֲבִיכֶן הֵתֶל בִּי
וְהֶחֱלִף אֶת־מַשְׂכֻּרְתִּי עֲשֶׂרֶת מֹנִים וְלֹא־נְתָנוֹ אֱלֹהִים לְהָרַע
ח עִמָּדִי׃ אִם־כֹּה יֹאמַר נְקֻדִּים יִהְיֶה שְׂכָרֶךָ וְיָלְדוּ כָל־הַצֹּאן

ל, מב׳ ף׳ רבתי   בנ״א דף׳ לא רבתי

34 האָט לָבָן געזאָגט: יאָ, זאָל זיין אַזוי ווי דיין וואָרט. 35 און ער האָט אָפּגעטאָן אין יענעם טאָג די געשטרייפּטע און געפּלעקטע בעק, און אַלע געשפּרענקלטע און געפּלעקטע ציגן, איטלעכס וואָס האָט אויף זיך ווייס, און איטלעך טונקלס צווישן די שעפּסן, און ער האָט זיי איבערגעגעבן אין דער האַנט פון זיינע זין. 36 און ער האָט געמאַכט דריי טעג וועגס צווישן זיך און צווישן יעקבן. און יעקב האָט געפּיטערט לָבָנס איבעריקע שאָף.

37 האָט יעקב זיך גענומען פייכטע שטעקלעך פון טאָפּאָל, און מאַנדלבוים, און פּלאַטאַנעבוים, און ער האָט אויסגעשיילט אויף זיי ווייסע אויסשיילונגען, אָפּדעקנדיק דאָס ווייסע וואָס אויף די שטעקלעך. 38 און ער האָט אַריינגעשטעלט די שטעקלעך וואָס ער האָט אַרומגעשיילט, אין די קאָריטעס, אין די וואַסעררינעס ווו די שאָף קומען טרינקען, אַקעגן די שאָף; און זיי האָבן זיך געפּאָרט אַז זיי זיינען געקומען טרינקען. 39 און די שאָף האָבן זיך געפּאָרט פאַר די שטעקלעך, און די שאָף האָבן געבאָרן געשטרייפּטע, געשפּרענקלטע, און געפּלעקטע.

40 און די לעמער האָט יעקב אָפּגעשיידט—און ער האָט צוגעקערט די פּנימער פון די שאָף אין לָבָנס שאָף צו די געשטרייפּטע און אַלע טונקעלע—און האָט זיך געמאַכט סטאַדעס באַזונדער, און האָט זיי ניט געשטעלט מיט לָבָנס שאָף. 41 און עס איז געווען, ווען נאָר די שטאַרקע שאָף האָבן זיך געפּאָרט, אַזוי פלעגט יעקב אַריינטאָן די שטעקלעך פאַר די אויגן פון די שאָף אין די קאָריטעס, כּדי זיי זאָלן זיך פּאָרן ביי די שטעקלעך; 42 אָבער אַז די שאָף זיינען געווען שוואַכע, פלעגט ער ניט אַריינטאָן; אַזוי פלעגן די שוואַכע אָנקומען לָבָנען, און די שטאַרקע יעקבן. 43 און דער מאַן איז געוואָרן זייער זייער רייך, און ער האָט געהאַט פיל שאָף, און דינסטן און קנעכט, און קעמלען און אייזלען.

# לא

1 און ער האָט געהערט די ווערטער פון לָבָנס זין, אַזוי צו זאָגן: יעקב האָט צוגענומען אַלץ וואָס אונדזער פאָטער האָט געהאַט, און פון אונדזער פאָטערס האָב האָט ער געמאַכט דידאָזיקע גאַנצע רייכקייט. 2 און יעקב האָט געזען אָן לָבָנס פּנים, ערשט ער איז ניט צו אים ווי נעכטן־אייערנעכטן. 3 און גאָט האָט געזאָגט צו יעקבן: קער זיך אום צו דעם לאַנד פון דיינע עלטערן, און צו דיין אָפּשטאַם, און איך וועל זיין מיט דיר.

4 האָט יעקב געשיקט און האָט גערופן רחלען און לאהן אין פעלד, צו זיינע שאָף. 5 און ער האָט צו זיי געזאָגט: איך זע אָן אייער פאָטערס פּנים, אַז ער איז ניט צו מיר ווי נעכטן־אייערנעכטן; אָבער דער גאָט פון מיין פאָטער איז געווען מיט מיר. 6 און איר ווייסט אַז מיט מיין גאַנצן כּוח האָב איך געדינט אייער פאָטער. 7 און אייער פאָטער האָט געמאַכט געשפּעט פון מיר, און האָט געביטן מיין לוין צען מאָל, נאָר גאָט האָט אים ניט געלאָזן שלעכטס טאָן מיט מיר. 8 אַז ער האָט אַזוי געזאָגט: געשפּרענקלטע זאָלן זיין דיין לוין, האָבן אַלע שאָף געבאָרן

נְקֻדִּים וְאִם־כֹּה יֹאמַר עֲקֻדִּים יִהְיֶה שְׂכָרֶךָ וְיָלְדוּ כָל־
הַצֹּאן עֲקֻדִּים׃ וַיַּצֵּל אֱלֹהִים אֶת־מִקְנֵה אֲבִיכֶם וַיִּתֶּן־לִי׃ ט
וַיְהִי בְּעֵת יַחֵם הַצֹּאן וָאֶשָּׂא עֵינַי וָאֵרֶא בַּחֲלוֹם וְהִנֵּה י
הָעַתֻּדִים הָעֹלִים עַל־הַצֹּאן עֲקֻדִּים נְקֻדִּים וּבְרֻדִּים׃
וַיֹּאמֶר אֵלַי מַלְאַךְ הָאֱלֹהִים בַּחֲלוֹם יַעֲקֹב וָאֹמַר הִנֵּנִי׃ יא
וַיֹּאמֶר שָׂא־נָא עֵינֶיךָ וּרְאֵה כָּל־הָעַתֻּדִים הָעֹלִים עַל־ יב
הַצֹּאן עֲקֻדִּים נְקֻדִּים וּבְרֻדִּים כִּי רָאִיתִי אֵת כָּל־אֲשֶׁר לָבָן
עֹשֶׂה לָּךְ׃ אָנֹכִי הָאֵל בֵּית־אֵל אֲשֶׁר מָשַׁחְתָּ שָּׁם מַצֵּבָה יג
אֲשֶׁר נָדַרְתָּ לִּי שָׁם נֶדֶר עַתָּה קוּם צֵא מִן־הָאָרֶץ הַזֹּאת
וְשׁוּב אֶל־אֶרֶץ מוֹלַדְתֶּךָ׃ וַתַּעַן רָחֵל וְלֵאָה וַתֹּאמַרְנָה לוֹ יד
הַעוֹד לָנוּ חֵלֶק וְנַחֲלָה בְּבֵית אָבִינוּ׃ הֲלוֹא נָכְרִיּוֹת טו
נֶחְשַׁבְנוּ לוֹ כִּי מְכָרָנוּ וַיֹּאכַל גַּם־אָכוֹל אֶת־כַּסְפֵּנוּ׃ כִּי טז
כָל־הָעֹשֶׁר אֲשֶׁר הִצִּיל אֱלֹהִים מֵאָבִינוּ לָנוּ הוּא וּלְבָנֵינוּ
וְעַתָּה כֹּל אֲשֶׁר אָמַר אֱלֹהִים אֵלֶיךָ עֲשֵׂה׃ וַיָּקָם יַעֲקֹב ששי
וַיִּשָּׂא אֶת־בָּנָיו וְאֶת־נָשָׁיו עַל־הַגְּמַלִּים׃ וַיִּנְהַג אֶת־כָּל־ יח
מִקְנֵהוּ וְאֶת־כָּל־רְכֻשׁוֹ אֲשֶׁר רָכָשׁ מִקְנֵה קִנְיָנוֹ אֲשֶׁר
רָכַשׁ בְּפַדַּן אֲרָם לָבוֹא אֶל־יִצְחָק אָבִיו אַרְצָה כְּנָעַן׃
וְלָבָן הָלַךְ לִגְזֹז אֶת־צֹאנוֹ וַתִּגְנֹב רָחֵל אֶת־הַתְּרָפִים אֲשֶׁר יט
לְאָבִיהָ׃ וַיִּגְנֹב יַעֲקֹב אֶת־לֵב לָבָן הָאֲרַמִּי עַל־בְּלִי הִגִּיד כ
לוֹ כִּי בֹרֵחַ הוּא׃ וַיִּבְרַח הוּא וְכָל־אֲשֶׁר־לוֹ וַיָּקָם וַיַּעֲבֹר כא
אֶת־הַנָּהָר וַיָּשֶׂם אֶת־פָּנָיו הַר הַגִּלְעָד׃ וַיֻּגַּד לְלָבָן בַּיּוֹם כב
הַשְּׁלִישִׁי כִּי בָרַח יַעֲקֹב׃ וַיִּקַּח אֶת־אֶחָיו עִמּוֹ וַיִּרְדֹּף כג
אַחֲרָיו דֶּרֶךְ שִׁבְעַת יָמִים וַיַּדְבֵּק אֹתוֹ בְּהַר הַגִּלְעָד׃ וַיָּבֹא כד
אֱלֹהִים אֶל־לָבָן הָאֲרַמִּי בַּחֲלֹם הַלָּיְלָה וַיֹּאמֶר לוֹ הִשָּׁמֶר
לְךָ פֶּן־תְּדַבֵּר עִם־יַעֲקֹב מִטּוֹב עַד־רָע׃ וַיַּשֵּׂג לָבָן אֶת־ כה
יַעֲקֹב וְיַעֲקֹב תָּקַע אֶת־אָהֳלוֹ בָּהָר וְלָבָן תָּקַע אֶת־אֶחָיו
בְּהַר הַגִּלְעָד׃ וַיֹּאמֶר לָבָן לְיַעֲקֹב מֶה עָשִׂיתָ וַתִּגְנֹב אֶת־ כו
לְבָבִי וַתְּנַהֵג אֶת־בְּנֹתַי כִּשְׁבֻיוֹת חָרֶב׃ לָמָּה נַחְבֵּאתָ כז

לא,ט׳ במים יח׳ קמץ בזק

געשפרענקלטע; און אַז ער האָט אַזוי געזאָגט: געשטרייפטע זאָלן זיין דיין לוין, האָבן אַלע שאָף געבאָרן געשטרייפטע. [9] און גאָט האָט אַוועקגענומען פון אַייער פאָטערס פי, און געגעבן מיר. [10] און עס איז געווען אין דער צייט ווען די שאָף האָבן זיך געפּאָרט, האָב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן, און האָב געזען אין חלום, ערשט די בעק וואָס שפּרינגען אויף די שאָף זיינען געשטרייפטע, געשפרענקלטע, און געפלעקטע. [11] און אַ מלאך פון גאָט האָט געזאָגט צו מיר אין חלום: יעקב! און איך האָב געזאָגט: דאָ בין איך. [12] האָט ער צו מיר געזאָגט: הייב אַקאָרשט אויף דיינע אויגן און זע, אַלע בעק וואָס שפּרינגען אויף די שאָף זיינען געשטרייפטע, געשפרענקלטע, און געפלעקטע; וואָרום איך האָב געזען אַלץ וואָס לָבָן טוט צו דיר. [13] איך בין דער גאָט פון בֵּית־אֵל וואָס דו האָסט דאָרטן געזאַלבט אַ ציילשטיין, וואָס דו האָסט דאָרטן געטאָן אַ נדר צו מיר. און אַצונד שטיי אויף, גיי אַרויס פון דעם היגן לאַנד, און קער זיך אום צו דעם לאַנד פון דיין געבורט.

[14] האָבן רחל און לאה געענטפערט און געזאָגט צו אים: האָבן מיר דען נאָך אַ חלק אָדער אַ ירושה אין אונדזער פאָטערס הויז? [15] זיינען מיר ניט אַזוי ווי פרעמדע פאַררעכנט ביי אים? וואָרום ער האָט אונדז פאַרקויפט, און אויפעסן אויך אויפגעגעסן דאָס געלט פאַר אונדז. [16] וואָרום די גאַנצע עשירות וואָס גאָט האָט אַוועקגענומען פון אונדזער פאָטער, דאָס איז אונדזערס און אונדזערע קינדערס. און אַצונד, אַלץ וואָס גאָט האָט דיר געהייסן, טו.

[17] איז יעקב אויפגעשטאַנען, און האָט אַרויפגעזעצט זיינע קינדער און זיינע ווייבער אויף קעמלען; [18] און ער האָט אַוועקגעפירט דאָס גאַנצע פי זיינס, און זיין גאַנצן פאַרמעג וואָס ער האָט אָנגעקליבן, דאָס פי פון זיין אייגנס וואָס ער האָט אָנגעקליבן אין פַּדַן־אֲרָם—כדי צו גיין צו זיין פאָטער יצחקן, קיין כְּנַעַן. [19] און לָבָן איז געווען אַוועקגעגאַנגען שערן זיינע שאָף. האָט רחל אַרויסגעגנבעט דעם תְּרָפים פון איר פאָטער. [20] און יעקב האָט געגנבעט דאָס האַרץ פון לָבָן דעם אַרַמי מיט וואָס ער האָט אים ניט געלאָזט מערקן אַז ער אַנטלויפט. [21] און ער איז אַנטלאָפן מיט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, און ער איז אויפגעשטאַנען און אַריבערגעגאַנגען דעם טייך, און האָט געקערט זיין פּנים צום באַרג גִלעָד.

[22] איז אָנגעזאָגט געוואָרן לָבָנען אויפן דריטן טאָג אַז יעקב איז אַנטלאָפן. [23] האָט ער גענומען זיינע ברידער מיט זיך, און האָט אים נאָכגעיאָגט זיבן טעג וועגס, און ער האָט אים אָנגעיאָגט אויפן באַרג גִלעָד.

[24] איז גאָט געקומען צו לָבָן דעם אַרַמי אין אַ חלום פון דער נאַכט, און האָט צו אים געזאָגט: היט דיך, זאָלסט ניט רעדן מיט יעקבן פון גוטס ביז שלעכטס.

[25] און לָבָן האָט אָנגעיאָגט יעקבן. און יעקב האָט אויפגעשטעלט זיין געצעלט אויפן באַרג; אויך לָבָן און זיינע ברידער האָבן אויפגעשטעלט אויפן באַרג גִלעָד. [26] האָט לָבָן געזאָגט צו יעקבן: וואָס האָסטו געטאָן וואָס דו האָסט געגנבעט מיין האַרץ, און האָסט אַוועקגעפירט מיינע טעכטער אַזוי ווי געפאַנגענע פון שווערד? [27] פאַרוואָס ביסטו אַנטלאָפן

לִבְרֹחַ וַתִּגְנֹב אֹתִי וְלֹא־הִגַּדְתָּ לִּי וָאֲשַׁלֵּחֲךָ בְּשִׂמְחָה
כח וּבְשִׁרִים בְּתֹף וּבְכִנּוֹר׃ וְלֹא נְטַשְׁתַּנִי לְנַשֵּׁק לְבָנַי וְלִבְנֹתָי
כט עַתָּה הִסְכַּלְתָּ עֲשׂוֹ׃ יֶשׁ־לְאֵל יָדִי לַעֲשׂוֹת עִמָּכֶם רָע וֵאלֹהֵי
אֲבִיכֶם אֶמֶשׁ ׀ אָמַר אֵלַי לֵאמֹר הִשָּׁמֶר לְךָ מִדַּבֵּר עִם־
ל יַעֲקֹב מִטּוֹב עַד־רָע׃ וְעַתָּה הָלֹךְ הָלַכְתָּ כִּי־נִכְסֹף נִכְסַפְתָּה
לא לְבֵית אָבִיךָ לָמָּה גָנַבְתָּ אֶת־אֱלֹהָי׃ וַיַּעַן יַעֲקֹב וַיֹּאמֶר
לְלָבָן כִּי יָרֵאתִי כִּי אָמַרְתִּי פֶּן־תִּגְזֹל אֶת־בְּנוֹתֶיךָ מֵעִמִּי׃
לב עִם אֲשֶׁר תִּמְצָא אֶת־אֱלֹהֶיךָ לֹא יִחְיֶה נֶגֶד אַחֵינוּ הַכֶּר־
לְךָ מָה עִמָּדִי וְקַח־לָךְ וְלֹא־יָדַע יַעֲקֹב כִּי רָחֵל גְּנָבָתַם׃
לג וַיָּבֹא לָבָן בְּאֹהֶל־יַעֲקֹב ׀ וּבְאֹהֶל לֵאָה וּבְאֹהֶל שְׁתֵּי
הָאֲמָהֹת וְלֹא מָצָא וַיֵּצֵא מֵאֹהֶל לֵאָה וַיָּבֹא בְּאֹהֶל רָחֵל׃
לד וְרָחֵל לָקְחָה אֶת־הַתְּרָפִים וַתְּשִׂמֵם בְּכַר הַגָּמָל וַתֵּשֶׁב
לה עֲלֵיהֶם וַיְמַשֵּׁשׁ לָבָן אֶת־כָּל־הָאֹהֶל וְלֹא מָצָא׃ וַתֹּאמֶר
אֶל־אָבִיהָ אַל־יִחַר בְּעֵינֵי אֲדֹנִי כִּי לוֹא אוּכַל לָקוּם מִפָּנֶיךָ
לו כִּי־דֶרֶךְ נָשִׁים לִי וַיְחַפֵּשׂ וְלֹא מָצָא אֶת־הַתְּרָפִים׃ וַיִּחַר
לְיַעֲקֹב וַיָּרֶב בְּלָבָן וַיַּעַן יַעֲקֹב וַיֹּאמֶר לְלָבָן מַה־פִּשְׁעִי
לז מַה חַטָּאתִי כִּי דָלַקְתָּ אַחֲרָי׃ כִּי־מִשַּׁשְׁתָּ אֶת־כָּל־כֵּלַי
מַה־מָּצָאתָ מִכֹּל כְּלֵי־בֵיתֶךָ שִׂים כֹּה נֶגֶד אַחַי וְאַחֶיךָ
לח וְיוֹכִיחוּ בֵּין שְׁנֵינוּ׃ זֶה עֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי עִמָּךְ רְחֵלֶיךָ
לט וְעִזֶּיךָ לֹא שִׁכֵּלוּ וְאֵילֵי צֹאנְךָ לֹא אָכָלְתִּי׃ טְרֵפָה לֹא־
הֵבֵאתִי אֵלֶיךָ אָנֹכִי אֲחַטֶּנָּה מִיָּדִי תְּבַקְשֶׁנָּה גְּנֻבְתִי יוֹם
מ וּגְנֻבְתִי לָיְלָה׃ הָיִיתִי בַיּוֹם אֲכָלַנִי חֹרֶב וְקֶרַח בַּלָּיְלָה
מא וַתִּדַּד שְׁנָתִי מֵעֵינָי׃ זֶה־לִּי עֶשְׂרִים שָׁנָה בְּבֵיתֶךָ עֲבַדְתִּיךָ
אַרְבַּע־עֶשְׂרֵה שָׁנָה בִּשְׁתֵּי בְנֹתֶיךָ וְשֵׁשׁ שָׁנִים בְּצֹאנֶךָ
מב וַתַּחֲלֵף אֶת־מַשְׂכֻּרְתִּי עֲשֶׂרֶת מֹנִים׃ לוּלֵי אֱלֹהֵי אָבִי
אֱלֹהֵי אַבְרָהָם וּפַחַד יִצְחָק הָיָה לִי כִּי עַתָּה רֵיקָם שִׁלַּחְתָּנִי
שב׳ אֶת־עָנְיִי וְאֶת־יְגִיעַ כַּפַּי רָאָה אֱלֹהִים וַיּוֹכַח אָמֶשׁ׃ וַיַּעַן

לה׳ מלא וא״ו

באַהאַלטענערהייט, און האָסט זיך אַוועקגעגנבעט פון מיר, און האָסט מיר ניט אויסגעזאָגט, אַז איך זאָל דיך באַלייטן מיט שמחה און מיט געזאַנגען, מיט פויק און מיט האַרף? 28 און האָסט מיך ניט געלאָזן קושן מיינע זין און מיינע טעכטער. נאַריש האָסטו אַצונד געטאָן. 29 מיין האַנט האָט בכוח צו טאָן מיט אייך שלעכטס, נאָר דער גאָט פון אייער פאָטער האָט נעכטן ביי נאַכט געזאָגט צו מיר, אַזוי צו זאָגן: היט דיך פון צו רעדן מיט יעקבן פון גוטס ביז שלעכטס. 30 און אַצונד, אַוועקגיין ביסטו אַוועקגעגאַנגען, ווייל בענקען האָסטו זיך פאַרבענקט נאָך דיין פאָטערס הויז, אַלמאַי אָבער האָסטו געגנבעט מיין גאָט?

31 האָט יעקב געענטפערט און האָט געזאָגט צו לָבָנען: ווייל איך האָב מורא געהאַט, וואָרום איך האָב געקלערט: טאָמער וועסטו אַוועקרויבן דיינע טעכטער פון מיר. 32 ביי וועמען אָבער דו וועסט געפינען דיין גאָט, דער זאָל ניט לעבן. פאַר אונדזערע ברידער דערקען וואָס איז דיינס ביי מיר, און נעם דיר צו. און יעקב האָט ניט געוווּסט אַז רחל האָט עס געגנבעט.

33 איז לָבָן אַריינגעגאַנגען אין דעם געצעלט פון יעקבן, און אין דעם געצעלט פון לאהן, און אין דעם געצעלט פון די צוויי דינסטן, און ער האָט ניט געפונען; און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון לאהס געצעלט, און איז אַריינגעגאַנגען אין דעם געצעלט פון רחלען. 34 און רחל האָט גענומען דעם תּרָפים, און האָט אים אַריינגעטאָן אין זאָטל־קישן פון דעם קעמל, און האָט זיך געזעצט דערויף; און לָבָן האָט אַרומגעטאַפּט דאָס גאַנצע געצעלט, און האָט ניט געפונען. 35 האָט זי געזאָגט צו איר פאָטער: זאָל ניט פאַרדריסן אין די אויגן פון מיין האַר, וואָס איך קען ניט אויפשטיין פאַר דיר, ווייל דער שטייגער פון ווייבער איז ביי מיר. און ער האָט געזוכט, און האָט ניט געפונען דעם תּרָפים.

36 האָט יעקבן פאַרדראָסן, און ער האָט זיך געקריגט מיט לָבָנען. און יעקב האָט זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט צו לָבָנען: וואָס איז מיין פאַרברעך, וואָס איז מיין חטא, וואָס דו האָסט מיך נאָכגעיאָגט? 37 אַז דו האָסט דורכגעטאַפּט אַלע מיינע זאַכן, וואָס האָסטו געפונען פון אַלע דיינע כלי־בית? לייג עס דאָ פאַר מיינע ברידער און דיינע ברידער, און זאָלן זיי אַנטשיידן צווישן אונדז ביידן. 38 פאַר די צוואַנציק יאָר וואָס איך בין געווען מיט דיר, האָבן דיינע שעפּסן און דיינע ציגן ניט פאַרוואָרפן, און די ווידערס פון דיינע שאָף האָב איך ניט געגעסן. 39 אַ פאַרצוקטע האָב איך ניט געבראַכט צו דיר; איך פלעג ליידן איר שאָדן; פון מיין האַנט פלעגסטו עס אויפמאָנען, געגנבעט ביי טאָג, צי געגנבעט ביי נאַכט. 40 ביי טאָג פלעגט מיך אויפעסן די היץ, און דער פראָסט ביי נאַכט; און מיין שלאָף האָט געוויכט פון מיינע אויגן. 41 פאַר צוואַנציק יאָר בין איך געווען אין דיין הויז: פערצן יאָר האָב איך דיר געדינט פאַר דיינע צוויי טעכטער, און זעקס יאָר פאַר דיינע שאָף; און דו האָסט געביטן מיין לוין צען מאָל. 42 ווען ניט דער גאָט פון מיין פאָטער, דער גאָט פון אַברהמען און די פאָרכט פון יצחקן[א], וואָלט געווען מיט מיר, וואָלסטו מיך אַצונד אַוועקגעשיקט מיט ליידיקן. גאָט האָט געזען מיין פּיין און די מאַטערניש פון מיינע הענט, און ער האָט אַנטשיידט נעכטן ביי נאַכט.

[א] דער וועמען יצחק פאָרכט.

לָבָן וַיֹּאמֶר אֶל־יַעֲקֹב הַבָּנוֹת בְּנֹתַי וְהַבָּנִים בָּנַי וְהַצֹּאן
צֹאנִי וְכֹל אֲשֶׁר־אַתָּה רֹאֶה לִי־הוּא וְלִבְנֹתַי מָה־אֶעֱשֶׂה
לָאֵלֶּה הַיּוֹם אוֹ לִבְנֵיהֶן אֲשֶׁר יָלָדוּ׃ וְעַתָּה לְכָה נִכְרְתָה מד
בְרִית אֲנִי וָאָתָּה וְהָיָה לְעֵד בֵּינִי וּבֵינֶךָ׃ וַיִּקַּח יַעֲקֹב אָבֶן מה
וַיְרִימֶהָ מַצֵּבָה׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב לְאֶחָיו לִקְטוּ אֲבָנִים וַיִּקְחוּ מו
אֲבָנִים וַיַּעֲשׂוּ־גָל וַיֹּאכְלוּ שָׁם עַל־הַגָּל׃ וַיִּקְרָא־לוֹ לָבָן מז
יְגַר שָׂהֲדוּתָא וְיַעֲקֹב קָרָא לוֹ גַּלְעֵד׃ וַיֹּאמֶר לָבָן הַגַּל מח
הַזֶּה עֵד בֵּינִי וּבֵינְךָ הַיּוֹם עַל־כֵּן קָרָא־שְׁמוֹ גַּלְעֵד׃
וְהַמִּצְפָּה אֲשֶׁר אָמַר יִצֶף יְהוָה בֵּינִי וּבֵינֶךָ כִּי נִסָּתֵר אִישׁ מט
מֵרֵעֵהוּ׃ אִם־תְּעַנֶּה אֶת־בְּנֹתַי וְאִם־תִּקַּח נָשִׁים עַל־בְּנֹתַי נ
אֵין אִישׁ עִמָּנוּ רְאֵה אֱלֹהִים עֵד בֵּינִי וּבֵינֶךָ׃ וַיֹּאמֶר לָבָן נא
לְיַעֲקֹב הִנֵּה ׀ הַגַּל הַזֶּה וְהִנֵּה הַמַּצֵּבָה אֲשֶׁר יָרִיתִי בֵּינִי
וּבֵינֶךָ׃ עֵד הַגַּל הַזֶּה וְעֵדָה הַמַּצֵּבָה אִם־אָנִי לֹא־אֶעֱבֹר נב
אֵלֶיךָ אֶת־הַגַּל הַזֶּה וְאִם־אַתָּה לֹא־תַעֲבֹר אֵלַי אֶת־הַגַּל
הַזֶּה וְאֶת־הַמַּצֵּבָה הַזֹּאת לְרָעָה׃ אֱלֹהֵי אַבְרָהָם וֵאלֹהֵי נג
נָחוֹר יִשְׁפְּטוּ בֵינֵינוּ אֱלֹהֵי אֲבִיהֶם וַיִּשָּׁבַע יַעֲקֹב בְּפַחַד
אָבִיו יִצְחָק׃ וַיִּזְבַּח יַעֲקֹב זֶבַח בָּהָר וַיִּקְרָא לְאֶחָיו לֶאֱכָל־ נד
לָחֶם וַיֹּאכְלוּ לֶחֶם וַיָּלִינוּ בָּהָר׃

לב

וַיַּשְׁכֵּם לָבָן בַּבֹּקֶר וַיְנַשֵּׁק לְבָנָיו וְלִבְנוֹתָיו וַיְבָרֶךְ אֶתְהֶם מפ׳
וַיֵּלֶךְ וַיָּשָׁב לָבָן לִמְקֹמוֹ׃ וְיַעֲקֹב הָלַךְ לְדַרְכּוֹ וַיִּפְגְּעוּ־בוֹ ב
מַלְאֲכֵי אֱלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב כַּאֲשֶׁר רָאָם מַחֲנֵה אֱלֹהִים ג
זֶה וַיִּקְרָא שֵׁם־הַמָּקוֹם הַהוּא מַחֲנָיִם׃ פ

43 האָט לָבָן געענטפערט און האָט געזאָגט צו יעקבן: די טעכטער זיינען מיינע טעכטער, און די קינדער מיינע קינדער, און די שאָף מיינע שאָף, און אַלץ וואָס דו זעסט איז מיינס; און וואָס קען איך היינט טאָן צו דידאָזיקע טעכטער מיינע, אָדער צו זייערע קינדער וואָס זיי האָבן געבאָרן? 44 און אַצונד, קום לאָמיר שליסן אַ בונד, איך און דו, און זאָל עס זיין צום עדות צווישן מיר און צווישן דיר.

45 האָט יעקב גענומען אַ שטיין, און האָט אים אויפגעשטעלט פאַר אַ זיילשטיין. 46 און יעקב האָט געזאָגט צו זיינע ברידער: קלייבט אָן שטיינער. האָבן זיי גענומען שטיינער, און געמאַכט אַ הויפן, און זיי האָבן געגעסן דאָרטן אויפן הויפן. 47 און לָבָן האָט אים גערופן יְגַר־שָׂהֲדוּתָא[א], און יעקב האָט אים גערופן גַל־עֵד[ב]. 48 און לָבָן האָט געזאָגט: דערדאָזיקער הויפן איז אַן עדות צווישן מיר און צווישן דיר היינט. דרום האָט מען גערופן זיין נאָמען גִלְעָד; 49 און אויך מִצְפָּה[ג], ווייל ער האָט געזאָגט: גאָט זאָל אַראָפּקוקן צווישן מיר און צווישן דיר, ווען מיר וועלן זיין פאַרהוילן איינער פון אַנדערן, 50 אויב דו וועסט פייניקן מיינע טעכטער, און אויב דו וועסט צונעמען אַנדערע ווייבער צו מיינע טעכטער, בעת קיין מענטש איז ניטאָ לעבן אונדז; זע, גאָט איז אַן עדות צווישן מיר און צווישן דיר.

51 און לָבָן האָט געזאָגט צו יעקבן: אָט איז דערדאָזיקער הויפן, און אָט איז דער זיילשטיין, וואָס איך האָב אויפגעשטעלט צווישן מיר און צווישן דיר. 52 אַן עדות איז דערדאָזיקער הויפן, און אַן עדות דער זיילשטיין, אַז איך וועל ניט אַריבערגיין דעמדאָזיקן הויפן צו דיר, און אַז דו וועסט ניט אַריבערגיין דעמדאָזיקן הויפן און דעמדאָזיקן זיילשטיין צו מיר, צום בייזן. 53 זאָל דער גאָט פון אַברהמען, און דער גאָט פון נָחורן, דער גאָט פון זייער פאָטער, משפּטן צווישן אונדז. און יעקב האָט געשוואָרן בײַ דער פאָרכט פון זיין פאָטער יצחקן.

54 און יעקב האָט געשלאַכט שלאַכטאָפּפער אויפן באַרג, און ער האָט גערופן זיינע ברידער צו עסן ברויט; און זיי האָבן געגעסן ברויט, און האָבן גענעכטיקט אויפן באַרג.

לב 1 און לָבָן האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, און ער האָט געקושט זיינע זין און זיינע טעכטער, און האָט זיי געבענטשט; און לָבָן איז אַוועקגעגאַנגען, און האָט זיך אומגעקערט צו זיין אָרט.

2 און יעקב איז געגאַנגען אויף זיין וועג, און מלאָכים פון גאָט האָבן אים באַגעגנט. 3 און יעקב האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי דערזען: גאָטס מחנה איז דאָס; און ער האָט גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט מַחֲנַיִם.

# וַיִּשְׁלַח

וַיִּשְׁלַח יַעֲקֹב מַלְאָכִים לְפָנָיו אֶל־עֵשָׂו אָחִיו אַרְצָה שֵׂעִיר ד
שְׂדֵה אֱדוֹם׃ וַיְצַו אֹתָם לֵאמֹר כֹּה תֹאמְרוּן לַאדֹנִי לְעֵשָׂו ה
כֹּה אָמַר עַבְדְּךָ יַעֲקֹב עִם־לָבָן גַּרְתִּי וָאֵחַר עַד־עָתָּה׃

4 און יעקב האָט געשיקט שלוחים פאַרויס פאַר זיך צו זיין ברודער עֵשָׂון קיין לאַנד שֵׂעִיר, אין פעלד פון אֱדוֹם. 5 און ער האָט זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו מיין האַר, צו עֵשָׂון: אַזוי האָט געזאָגט דיין קנעכט יעקב: בײַ לָבָנען האָב איך געוווינט, און איך האָב זיך אויפגע־

לא, נג׳ חול

[א] הויפן פון עדות, אין אַראַמיש. [ב] הויפן פון עדות, אין העברעאיש. [ג] אויסקוק, וואַכטורעם.

ו וַיְהִי־לִי שׁוֹר וַחֲמוֹר צֹאן וְעֶבֶד וְשִׁפְחָה וָאֶשְׁלְחָה לְהַגִּיד
ז לַאדֹנִי לִמְצֹא־חֵן בְּעֵינֶיךָ׃ וַיָּשֻׁבוּ הַמַּלְאָכִים אֶל־יַעֲקֹב
לֵאמֹר בָּאנוּ אֶל־אָחִיךָ אֶל־עֵשָׂו וְגַם הֹלֵךְ לִקְרָאתְךָ וְאַרְבַּע־
ח מֵאוֹת אִישׁ עִמּוֹ׃ וַיִּירָא יַעֲקֹב מְאֹד וַיֵּצֶר לוֹ וַיַּחַץ אֶת־
הָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ וְאֶת־הַצֹּאן וְאֶת־הַבָּקָר וְהַגְּמַלִּים לִשְׁנֵי
ט מַחֲנוֹת׃ וַיֹּאמֶר אִם־יָבוֹא עֵשָׂו אֶל־הַמַּחֲנֶה הָאַחַת וְהִכָּהוּ
י וְהָיָה הַמַּחֲנֶה הַנִּשְׁאָר לִפְלֵיטָה׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֱלֹהֵי
אָבִי אַבְרָהָם וֵאלֹהֵי אָבִי יִצְחָק יְהוָה הָאֹמֵר אֵלַי שׁוּב
יא לְאַרְצְךָ וּלְמוֹלַדְתְּךָ וְאֵיטִיבָה עִמָּךְ׃ קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים
וּמִכָּל־הָאֱמֶת אֲשֶׁר עָשִׂיתָ אֶת־עַבְדֶּךָ כִּי בְמַקְלִי עָבַרְתִּי
יב אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה וְעַתָּה הָיִיתִי לִשְׁנֵי מַחֲנוֹת׃ הַצִּילֵנִי נָא
מִיַּד אָחִי מִיַּד עֵשָׂו כִּי־יָרֵא אָנֹכִי אֹתוֹ פֶּן־יָבוֹא וְהִכַּנִי אֵם
יג עַל־בָּנִים׃ וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ וְשַׂמְתִּי אֶת־
שני זַרְעֲךָ כְּחוֹל הַיָּם אֲשֶׁר לֹא־יִסָּפֵר מֵרֹב׃ וַיָּלֶן שָׁם בַּלַּיְלָה
טו הַהוּא וַיִּקַּח מִן־הַבָּא בְיָדוֹ מִנְחָה לְעֵשָׂו אָחִיו׃ עִזִּים
מָאתַיִם וּתְיָשִׁים עֶשְׂרִים רְחֵלִים מָאתַיִם וְאֵילִים עֶשְׂרִים׃
טז גְּמַלִּים מֵינִיקוֹת וּבְנֵיהֶם שְׁלֹשִׁים פָּרוֹת אַרְבָּעִים וּפָרִים
יז עֲשָׂרָה אֲתֹנֹת עֶשְׂרִים וַעְיָרִם עֲשָׂרָה׃ וַיִּתֵּן בְּיַד־עֲבָדָיו
עֵדֶר עֵדֶר לְבַדּוֹ וַיֹּאמֶר אֶל־עֲבָדָיו עִבְרוּ לְפָנַי וְרֶוַח
יח תָּשִׂימוּ בֵּין עֵדֶר וּבֵין עֵדֶר׃ וַיְצַו אֶת־הָרִאשׁוֹן לֵאמֹר כִּי
יִפְגָשְׁךָ עֵשָׂו אָחִי וּשְׁאֵלְךָ לֵאמֹר לְמִי־אַתָּה וְאָנָה תֵלֵךְ
יט וּלְמִי אֵלֶּה לְפָנֶיךָ׃ וְאָמַרְתָּ לְעַבְדְּךָ לְיַעֲקֹב מִנְחָה הִוא
כ שְׁלוּחָה לַאדֹנִי לְעֵשָׂו וְהִנֵּה גַם־הוּא אַחֲרֵינוּ׃ וַיְצַו גַּם
אֶת־הַשֵּׁנִי גַּם אֶת־הַשְּׁלִישִׁי גַּם אֶת־כָּל־הַהֹלְכִים אַחֲרֵי
הָעֲדָרִים לֵאמֹר כַּדָּבָר הַזֶּה תְּדַבְּרוּן אֶל־עֵשָׂו בְּמֹצַאֲכֶם
כא אֹתוֹ׃ וַאֲמַרְתֶּם גַּם הִנֵּה עַבְדְּךָ יַעֲקֹב אַחֲרֵינוּ כִּי־אָמַר
אֲכַפְּרָה פָנָיו בַּמִּנְחָה הַהֹלֶכֶת לְפָנָי וְאַחֲרֵי־כֵן אֶרְאֶה

כא׳ קמץ בז״ק

האַלטן ביז אַצונד. [6] און איך האָב אָקסן און אייזלען, שאָף, און קנעכט און דינסטן; האָב איך געשיקט אָנזאָגן מיין האַר, כּדי צו געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן.

[7] האָבן די שלוחים זיך אומגעקערט צו יעקבן, אַזוי צו זאָגן: מיר זיינען געקומען צו דיין ברודער, צו עֵשָׂון, און ער גייט דיר אויך אַנטקעגן, און פיר הונדערט מאַן מיט אים. [8] האָט יעקב זייער מורא געקריגן, און ער איז געווען באַקלעמט. און ער האָט צעטיילט דאָס פאָלק וואָס מיט אים, און די שאָף און די רינדער און די קעמלען, אין צוויי מחנות. [9] און ער האָט געזאָגט: אויב עֵשָׂו וועט קומען אויף איין מחנה, און וועט זי שלאָגן, וועט די איבעריקע מחנה אַנטרונען ווערן.

[10] און יעקב האָט געזאָגט: גאָט פון מיין פאָטער אַברהמען, און גאָט פון מיין פאָטער יצחקן, יהוה, וואָס האָט געזאָגט צו מיר: קער זיך אום צו דיין לאַנד און צו דיין אָפּשטאַם, און איך וועל גוטס טאָן מיט דיר; [11] איך בין צו קליין פאַר אַלע חסדים און פאַר אַלדער טריישאַפט וואָס דו האָסט געטאָן מיט דיין קנעכט; וואָרום מיט מיין שטעקן בין איך אַריבערגעגאַנגען דעמדאָזיקן יַרדן, און אַצונד בין איך געוואָרן צוויי מחנות. [12] זיי מיך מציל, איך בעט דיך, פון דער האַנט פון מיין ברודער, פון דער האַנט פון עֵשָׂון, וואָרום איך האָב מורא פאַר אים, ער זאָל ניט קומען און מיך שלאָגן מוטער מיט קינדער. [13] דו האָסט דאָך געזאָגט: גוטס טאָן וועל איך גוטס טאָן מיט דיר, און איך וועל מאַכן דיין זאָמען אַזוי ווי דער זאַמד פון ים, וואָס קען ניט געציילט ווערן פון פילקייט.

[14] און ער האָט דאָרטן גענעכטיקט יענע נאַכט; און ער האָט גענומען פון וואָס אים איז געקומען צו דער האַנט, אַ מתנה פאַר זיין ברודער עֵשָׂון: [15] צוויי הונדערט ציגן, און צוואַנציק בעק, צוויי הונדערט שעפּסן, און צוואַנציק ווידערס, [16] דרייסיק קעמלען זייגעדיקע מיט זייערע יונגע, פערציק קי, און צען אָקסן, צוואַנציק אייזעלינס, און צען יונגע אייזלען. [17] און ער האָט איבערגעגעבן אין דער האַנט פון זיינע קנעכט, צו סטאַדע, צו סטאַדע באַזונדער; און ער האָט אָנגעזאָגט זיינע קנעכט: גייט מיר פאַרויס, און וואַרע זאָלט איר מאַכן צווישן סטאַדע און סטאַדע. [18] און ער האָט באַפוילן דעם ערשטן, אַזוי צו זאָגן: אַז דיך וועט באַגעגענען עֵשָׂו מיין ברודער, און וועט דיך פרעגן, אַזוי צו זאָגן: וועמעס ביסטו? און וואוהין גייסטו? און וועמעס זיינען די דאָזיקע פאַר דיר? [19] זאָלסטו זאָגן: דיין קנעכט יעקבס; אַ מתנה איז דאָס געשיקט צו מיין האַר, צו עֵשָׂון; און אָט איז ער אויך הינטער אונדז. [20] און ער האָט באַפוילן אויך דעם צווייטן און דעם דריטן, און אַלע וואָס זיינען געגאַנגען הינטער די סטאַדעס, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי די דאָזיקע רייד זאָלט איר רעדן צו עֵשָׂון, אַז איר טרעפט אים; [21] און איר זאָלט זאָגן: אָט איז אויך דיין קנעכט יעקב הינטער אונדז. וואָרום ער האָט געזאָגט: לאָמיך אים איבערבעטן מיט דער מתנה וואָס גייט מיר פאַרויס, און

פָּנָיו אוּלַי יִשָּׂא פָנָי׃ וַתַּעֲבֹר הַמִּנְחָה עַל־פָּנָיו וְהוּא לָן כב
בַּלַּיְלָה־הַהוּא בַּמַּחֲנֶה׃ וַיָּקָם ׀ בַּלַּיְלָה הוּא וַיִּקַּח אֶת־ כג
שְׁתֵּי נָשָׁיו וְאֶת־שְׁתֵּי שִׁפְחֹתָיו וְאֶת־אַחַד עָשָׂר יְלָדָיו
וַיַּעֲבֹר אֵת מַעֲבַר יַבֹּק׃ וַיִּקָּחֵם וַיַּעֲבִרֵם אֶת־הַנָּחַל וַיַּעֲבֵר כד
אֶת־אֲשֶׁר־לוֹ׃ וַיִּוָּתֵר יַעֲקֹב לְבַדּוֹ וַיֵּאָבֵק אִישׁ עִמּוֹ עַד כה
עֲלוֹת הַשָּׁחַר׃ וַיַּרְא כִּי לֹא יָכֹל לוֹ וַיִּגַּע בְּכַף־יְרֵכוֹ וַתֵּקַע כו
כַּף־יֶרֶךְ יַעֲקֹב בְּהֵאָבְקוֹ עִמּוֹ׃ וַיֹּאמֶר שַׁלְּחֵנִי כִּי עָלָה כז
הַשָּׁחַר וַיֹּאמֶר לֹא אֲשַׁלֵּחֲךָ כִּי אִם־בֵּרַכְתָּנִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו כח
מַה־שְּׁמֶךָ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב׃ וַיֹּאמֶר לֹא יַעֲקֹב יֵאָמֵר עוֹד כט
שִׁמְךָ כִּי אִם־יִשְׂרָאֵל כִּי־שָׂרִיתָ עִם־אֱלֹהִים וְעִם־אֲנָשִׁים
וַתּוּכָל׃ וַיִּשְׁאַל יַעֲקֹב וַיֹּאמֶר הַגִּידָה־נָּא שְׁמֶךָ וַיֹּאמֶר ל
לָמָּה זֶּה תִּשְׁאַל לִשְׁמִי וַיְבָרֶךְ אֹתוֹ שָׁם׃ וַיִּקְרָא יַעֲקֹב לא
שֵׁם הַמָּקוֹם פְּנִיאֵל כִּי־רָאִיתִי אֱלֹהִים פָּנִים אֶל־פָּנִים
וַתִּנָּצֵל נַפְשִׁי׃ וַיִּזְרַח־לוֹ הַשֶּׁמֶשׁ כַּאֲשֶׁר עָבַר אֶת־פְּנוּאֵל לב
וְהוּא צֹלֵעַ עַל־יְרֵכוֹ׃ עַל־כֵּן לֹא־יֹאכְלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־ לג
גִּיד הַנָּשֶׁה אֲשֶׁר עַל־כַּף הַיָּרֵךְ עַד הַיּוֹם הַזֶּה כִּי נָגַע בְּכַף־
יֶרֶךְ יַעֲקֹב בְּגִיד הַנָּשֶׁה׃

## לג

וַיִּשָּׂא יַעֲקֹב עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה עֵשָׂו בָּא וְעִמּוֹ אַרְבַּע מֵאוֹת א
אִישׁ וַיַּחַץ אֶת־הַיְלָדִים עַל־לֵאָה וְעַל־רָחֵל וְעַל שְׁתֵּי
הַשְּׁפָחוֹת׃ וַיָּשֶׂם אֶת־הַשְּׁפָחוֹת וְאֶת־יַלְדֵיהֶן רִאשֹׁנָה וְאֶת־ ב
לֵאָה וִילָדֶיהָ אַחֲרֹנִים וְאֶת־רָחֵל וְאֶת־יוֹסֵף אַחֲרֹנִים׃
וְהוּא עָבַר לִפְנֵיהֶם וַיִּשְׁתַּחוּ אַרְצָה שֶׁבַע פְּעָמִים עַד־ ג
גִּשְׁתּוֹ עַד־אָחִיו׃ וַיָּרָץ עֵשָׂו לִקְרָאתוֹ וַיְחַבְּקֵהוּ וַיִּפֹּל עַל־ ד
צַוָּארָו וַיִּשָּׁקֵהוּ וַיִּבְכּוּ׃ וַיִּשָּׂא אֶת־עֵינָיו וַיַּרְא אֶת־הַנָּשִׁים ה
וְאֶת־הַיְלָדִים וַיֹּאמֶר מִי־אֵלֶּה לָּךְ וַיֹּאמַר הַיְלָדִים אֲשֶׁר־
חָנַן אֱלֹהִים אֶת־עַבְדֶּךָ׃ וַתִּגַּשְׁןָ הַשְּׁפָחוֹת הֵנָּה וְיַלְדֵיהֶן ו

לב,כג׳ סבירין ההוא   לג,ד׳ צואריו ק׳   נקוד על וישקהו

דערנאָך וועל איך זען זיין פנים, אפשר וועט ער מיך אויפנעמען.

[22] איז די מתנה אַוועק אים פאַרויס, און ער האָט גענעכטיקט יענע נאַכט אין לאַגער. [23] און ער איז אויפגעשטאַנען אין יענער נאַכט, און האָט גענומען זיינע צוויי ווייבער, און זיינע צוויי דינסטן, און זיינע עלף קינדער, און ער איז אַריבערגעפאָרן דעם איבערפאָר פון יַבּוֹק. [24] ער האָט זיי גענומען, און האָט זיי אַריבערגעפירט איבערן טייך, און האָט אַריבערגעפירט וואָס ער האָט געהאַט.

[25] און אַז יעקב איז געבליבן אַליין, האָט אַ מאַן זיך געראַנגלט מיט אים ביז דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען. [26] און אַז ער האָט געזען אַז ער קען אים ניט בייקומען, האָט ער אָנגערירט דאָס לעפל פון זיין דיך; און דאָס לעפל פון יעקבס דיך איז אויסגעלונקען געוואָרן אין זיין ראַנגלען זיך מיט אים. [27] האָט ער געזאָגט: לאָז מיך אַוועק, וואָרום דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען. האָט ער געזאָגט: איך וועל דיך ניט אַוועקלאָזן, סיידן וועסט מיך בענטשן. [28] האָט ער צו אים געזאָגט: וואָס איז דיין נאָמען? האָט ער געזאָגט: יעקב. [29] האָט ער געזאָגט: ניט מער זאָל יעקב גערופן ווערן דיין נאָמען, נייערט יִשְׂרָאֵלא, וואָרום האָסט געשטריטן מיט גאָט און מיט מענטשן, און ביסט בייגעקומען. [30] האָט יעקב געפרעגט און האָט געזאָגט: זאָג מיר, איך בעט דיך, דיין נאָמען. האָט ער געזאָגט: נאָך וואָס דען פרעגסטו אויף מיין נאָמען? און ער האָט אים דאָרטן געבענטשט.

[31] און יעקב האָט גערופן דעם נאָמען פון דעם אָרט פניאֵלב, ווייל: איך האָב געזען גאָט פנים אֶל פנים, און מיין זעל איז ניצול געוואָרן. [32] און די זון איז אים אויפגעגאַנגען ווי ער איז אַריבערגעגאַנגען פניאֵלג. און ער האָט געהונקען אויף זיין דיך.

[33] דרום עסן ניט די קינדער פון ישראל דעם שפּרינגאָדער וואָס אויפן לעפל פון דיך, ביז אויף היינטיקן טאָג; ווייל ער האָט אָנגערירט דאָס לעפל פון יעקבס דיך, דעם שפּרינגאָדער.

## לג

[1] און יעקב האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט אַ קוק געטאָן, ערשט עֵשָׂו קומט אָן, און פיר הונדערט מאַן מיט אים; האָט ער אַיינגעטיילט די קינדער צו לאהן, און צו רחלען, און צו די צוויי דינסטן. [2] און ער האָט געשטעלט די דינסטן און זייערע קינדער צוערשט, און לאהן און אירע קינדער הינטער זיי, און רחלען און יוספן די לעצטע. [3] און ער איז אַוועק זיי פאַרויס, און ער האָט זיך געבוקט צו דער ערד זיבן מאָל ביז ער האָט גענענט צו זיין ברודער.

[4] איז עֵשָׂו אים געלאָפן אַנטקעגן, און ער האָט אים אַרומגענומען, און איז אים געפאַלן אויפן האַלדז, און האָט אים געקושט, און זיי האָבן געוויינט. [5] און ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט געזען די ווייבער און די קינדער, און ער האָט געזאָגט: ווער זיינען דידאָזיקע ביי דיר? האָט ער געזאָגט: די קינדער מיט וואָס גאָט האָט געלייטזעליקט דיין קנעכט.

א דער וואָס שטרייט מיט גאָט.   ב דער פנים פון גאָט.   ג אין טעקסט: פְּנוּאֵל.

6 האָבן גענענט די דינסטן, זיי און זייערע קינדער, און האָבן זיך געבוקט. 7 און אויך לאה און אירע קינדער האָבן גענענט, און האָבן זיך געבוקט; און דערנאָך האָבן גענענט יוסף און רחל, און האָבן זיך געבוקט.

8 האָט ער געזאָגט: וואָס איז בײַ דיר דידאָזיקע גאַנצע מחנה וואָס איך האָב באַגעגנט? האָט ער געזאָגט: צו געפינען לײַטזעליקײַט אין די אויגן פון מײַן האַר. 9 האָט עשׂו געזאָגט: איך האָב גענוג, מײַן ברודער, זאָל בלײַבן בײַ דיר וואָס בײַ דיר. 10 האָט יעקב געזאָגט: ניין, איך בעט דיך; אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לײַטזעליקײַט אין דײַנע אויגן, זאָלסטו אָננעמען מײַן מתנה פון מײַן האַנט, וואָרום איך האָב געזען דײַן פּנים, אַזוי ווי מע זעט דעם פּנים פון גאָט, און דו האָסט מיך באַוויליקט. 11 נעם אָן, איך בעט דיך, מײַן געשאַנק וואָס איז דיר געבראַכט געוואָרן, ווײַל גאָט האָט מיך געלײַטזעליקט, און ווײַל בײַ מיר איז דאָ פון אַלעם. און ער איז צוגעשטאַנען צו אים, ביז ער האָט אָנגענומען.

12 האָט ער געזאָגט: לאָמיר ציען און גיין, און איך וועל גיין לעבן דיר. 13 האָט ער צו אים געזאָגט: מײַן האַר מערקט אַז די קינדער זײַנען יונג, און די שאָף און די רינדער זײַנען בײַ מיר זייגעדיקע, און אַז מע וועט זיי צו־טרײַבן איין טאָג, וועלן אויסשטאַרבן אַלע שאָף. 14 זאָל, איך בעט דיך, מײַן האַר אַוועקגיין פאַרויס פאַר זײַן קנעכט, און איך וועל מיר ציען פּאַמעלעך נאָך די טריט פון דעם פי וואָס פאַר מיר, און נאָך די טריט פון די קינדער, ביז וואַנען איך וועל קומען צו מײַן האַר קיין שׂעיר. 15 האָט עשׂו געזאָגט: לאָמיך אָפּשטעלן בײַ דיר פון דעם פאָלק וואָס מיט מיר. האָט ער געזאָגט: נאָך וואָס גאָר זאָל איך געפינען לײַטזעליקײַט אין די אויגן פון מײַן האַר?

ז וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ: וַתִּגַּשׁ גַּם־לֵאָה וִילָדֶיהָ וַיִּשְׁתַּחֲווּ וְאַחַר נִגַּשׁ
ח יוֹסֵף וְרָחֵל וַיִּשְׁתַּחֲווּ: וַיֹּאמֶר מִי לְךָ כָּל־הַמַּחֲנֶה הַזֶּה
ט אֲשֶׁר פָּגָשְׁתִּי וַיֹּאמֶר לִמְצֹא־חֵן בְּעֵינֵי אֲדֹנִי: וַיֹּאמֶר עֵשָׂו
י יֶשׁ־לִי רָב אָחִי יְהִי לְךָ אֲשֶׁר־לָךְ: וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אַל־נָא
אִם־נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ וְלָקַחְתָּ מִנְחָתִי מִיָּדִי כִּי עַל־
יא כֵּן רָאִיתִי פָנֶיךָ כִּרְאֹת פְּנֵי אֱלֹהִים וַתִּרְצֵנִי: קַח־נָא אֶת־
בִּרְכָתִי אֲשֶׁר הֻבָאת לָךְ כִּי־חַנַּנִי אֱלֹהִים וְכִי יֶשׁ־לִי־כֹל
יב וַיִּפְצַר־בּוֹ וַיִּקָּח: וַיֹּאמֶר נִסְעָה וְנֵלֵכָה וְאֵלְכָה לְנֶגְדֶּךָ:
יג וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲדֹנִי יֹדֵעַ כִּי־הַיְלָדִים רַכִּים וְהַצֹּאן וְהַבָּקָר
יד עָלוֹת עָלָי וּדְפָקוּם יוֹם אֶחָד וָמֵתוּ כָּל־הַצֹּאן: יַעֲבָר־נָא
אֲדֹנִי לִפְנֵי עַבְדּוֹ וַאֲנִי אֶתְנַהֲלָה לְאִטִּי לְרֶגֶל הַמְּלָאכָה
אֲשֶׁר־לְפָנַי וּלְרֶגֶל הַיְלָדִים עַד אֲשֶׁר־אָבֹא אֶל־אֲדֹנִי
טו שֵׂעִירָה: וַיֹּאמֶר עֵשָׂו אַצִּיגָה־נָּא עִמְּךָ מִן־הָעָם אֲשֶׁר אִתִּי
טז וַיֹּאמֶר לָמָּה זֶּה אֶמְצָא־חֵן בְּעֵינֵי אֲדֹנִי: וַיָּשָׁב בַּיּוֹם הַהוּא
יז עֵשָׂו לְדַרְכּוֹ שֵׂעִירָה: וְיַעֲקֹב נָסַע סֻכֹּתָה וַיִּבֶן לוֹ בָּיִת
וּלְמִקְנֵהוּ עָשָׂה סֻכֹּת עַל־כֵּן קָרָא שֵׁם־הַמָּקוֹם סֻכּוֹת: ס
יח וַיָּבֹא יַעֲקֹב שָׁלֵם עִיר שְׁכֶם אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ כְּנַעַן בְּבֹאוֹ
יט מִפַּדַּן אֲרָם וַיִּחַן אֶת־פְּנֵי הָעִיר: וַיִּקֶן אֶת־חֶלְקַת הַשָּׂדֶה
אֲשֶׁר נָטָה־שָׁם אָהֳלוֹ מִיַּד בְּנֵי־חֲמוֹר אֲבִי שְׁכֶם בְּמֵאָה
כ קְשִׂיטָה: וַיַּצֶּב־שָׁם מִזְבֵּחַ וַיִּקְרָא־לוֹ אֵל אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל: ס

## לד

חמ׳ וַתֵּצֵא דִינָה בַּת־לֵאָה אֲשֶׁר יָלְדָה לְיַעֲקֹב לִרְאוֹת בִּבְנוֹת
ב הָאָרֶץ: וַיַּרְא אֹתָהּ שְׁכֶם בֶּן־חֲמוֹר הַחִוִּי נְשִׂיא הָאָרֶץ
ג וַיִּקַּח אֹתָהּ וַיִּשְׁכַּב אֹתָהּ וַיְעַנֶּהָ: וַתִּדְבַּק נַפְשׁוֹ בְּדִינָה
ד בַּת־יַעֲקֹב וַיֶּאֱהַב אֶת־הַנַּעֲרָ וַיְדַבֵּר עַל־לֵב הַנַּעֲרָ: וַיֹּאמֶר
שְׁכֶם אֶל־חֲמוֹר אָבִיו לֵאמֹר קַח־לִי אֶת־הַיַּלְדָּה הַזֹּאת
ה לְאִשָּׁה: וְיַעֲקֹב שָׁמַע כִּי טִמֵּא אֶת־דִּינָה בִתּוֹ וּבָנָיו הָיוּ

לד, ג׳ הנערה ק׳ הנערה ק׳

16 און עשׂו האָט זיך אומגעקערט אין יענעם טאָג אויף זײַן וועג קיין שׂעיר. 17 און יעקב האָט אַוועקגעצויגן קיין סוכּות, און ער האָט געבויט פאַר זיך אַ הויז, און פאַר זײַנע פי האָט ער געמאַכט בײַדלעך; דרום האָט מען גערופן דעם נאָמען פון דעם אָרט סוכּות.

18 און יעקב איז געקומען בשלום אין דער שטאָט שכם וואָס אין לאַנד כּנען, ווען ער איז געקומען פון פּדן־אַרם; און ער האָט געלאַגערט פאַר דער שטאָט. 19 און ער האָט אָפּגעקויפט דאָס שטיק פעלד וואָס ער האָט דאָרטן אויפגעשטעלט זײַן געצעלט, פון דער האַנט פון די קינדער פון חמור דעם פאָטער פון שכמען, פאַר הונדערט קשיטה. 20 און ער האָט דאָרטן אויפגעשטעלט אַ מזבח, און האָט אים גערופן אֵל־אֱלֹהֵי־ישׂראלא.

לד 1 און דינה די טאָכטער פון לאהן, וואָס זי האָט געבאָרן יעקבן, איז אַרויסגעגאַנגען זען די טעכטער פון לאַנד. 2 האָט שכם דער זון פון חמור דעם חִוִי, דעם פירשט פון לאַנד, זי דערזען, און ער האָט זי גענומען, און איז געלעגן מיט איר, און האָט זי געפּײַניקט. 3 און זײַן זעל האָט זיך באַהעפט אָן יעקבס טאָכטער דינהן, און ער האָט ליב געקריגן די מיידל, און ער האָט גערעדט צום האַרצן פון דער מיידל. 4 און שכם האָט געזאָגט צו זײַן פאָטער חמורן, אַזוי צו זאָגן: נעם מיר דידאָזיקע מיידל פאַר אַ ווײַב.

5 און יעקב האָט געהערט אַז ער האָט פאַראומרײניקט זײַן טאָכטער דינהן, ווען זײַנע זין זײַנען געווען

א אֵל (גאָט) דער גאָט פון ישׂראל.

את־מקנהו בשדה והחרש יעקב עד־באם׃ ויצא חמור ו
אבי־שכם אל־יעקב לדבר אתו׃ ובני יעקב באו מן ז
השדה כשמעם ויתעצבו האנשים ויחר להם מאד כי
נבלה עשה בישראל לשכב את־בת־יעקב וכן לא יעשה׃
וידבר חמור אתם לאמר שכם בני חשקה נפשו בבתכם ח
תנו נא אתה לו לאשה׃ והתחתנו אתנו בנתיכם תתנו־ ט
לנו ואת־בנתינו תקחו לכם׃ ואתנו תשבו והארץ תהיה י
לפניכם שבו וסחרוה והאחזו בה׃ ויאמר שכם אל־ יא
אביה ואל־אחיה אמצא־חן בעיניכם ואשר תאמרו אלי
אתן׃ הרבו עלי מאד מהר ומתן ואתנה כאשר תאמרו יב
אלי ותנו־לי את־הנער לאשה׃ ויענו בני־יעקב את־שכם יג
ואת־חמור אביו במרמה וידברו אשר טמא את דינה
אחתם׃ ויאמרו אליהם לא נוכל לעשות הדבר הזה יד
לתת את־אחתנו לאיש אשר־לו ערלה כי־חרפה הוא
לנו׃ אך־בזאת נאות לכם אם תהיו כמנו להמל לכם טו
כל־זכר׃ ונתנו את־בנתינו לכם ואת־בנתיכם נקח־לנו טז
וישבנו אתכם והיינו לעם אחד׃ ואם־לא תשמעו אלינו יז
להמול ולקחנו את־בתנו והלכנו׃ וייטבו דבריהם בעיני יח
חמור ובעיני שכם בן־חמור׃ ולא־אחר הנער לעשות יט
הדבר כי חפץ בבת־יעקב והוא נכבד מכל בית אביו׃
ויבא חמור ושכם בנו אל־שער עירם וידברו אל־אנשי כ
עירם לאמר׃ האנשים האלה שלמים הם אתנו וישבו כא
בארץ ויסחרו אתה והארץ הנה רחבת־ידים לפניהם
את־בנתם נקח־לנו לנשים ואת־בנתינו נתן להם׃ אך־ כב
בזאת יאתו לנו האנשים לשבת אתנו להיות לעם אחד
בהמול לנו כל־זכר כאשר הם נמלים׃ מקנהם וקנינם כג
וכל־בהמתם הלוא לנו הם אך נאותה להם וישבו

יב׳ הנערה ק

מיט זיין פי אין פעלד; האָט יעקב געשוויגן ביז זיי זיינען געקומען.

[6] און חמור דער פאָטער פון שכמען איז אַרויסגעקומען צו יעקבן, צו רעדן מיט אים. [7] און די זין פון יעקבן זיינען געקומען פון פעלד, ווי זיי האָבן עס געהערט; און די מענער האָבן זיך געקלעמט, און זיי האָט שטאַרק געברענט וואָס ער האָט באַגאַנגען אַ נבלה אַקעגן ישראל, צו ליגן מיט דער טאָכטער פון יעקבן, וואָס אַזוי־וואָס טאָר ניט געטאָן ווערן.

[8] און חמור האָט גערעדט מיט זיי, אַזוי צו זאָגן: די זעל פון מיין זון שכמען גלוסט נאָך אַייער טאָכטער. גיט זי אים, איך בעט אַייך, פאַר אַ ווייב. [9] און זייט זיך מתחתן מיט אונדז; אַייערע טעכטער וועט איר אונדז געבן, און אונדזערע טעכטער וועט איר אַייך נעמען. [10] און איר וועט זיך באַזעצן ביי אונדז, און דאָס לאַנד וועט ליגן פאַר אַייך; זיצט און פאַרקערט דרינען און באַפעסטיקט אַייך אין איר. [11] און שכם האָט געזאָגט צו איר פאָטער און צו אירע ברידער: לאָמיך געפינען לייטזעליקייט אין אַייערע אויגן, און וואָס איר וועט מיר זאָגן, וועל איך געבן. [12] מערט אויף מיר נדן און מתנות ביז גאָר, און איך וועל געבן אַזוי ווי איר וועט מיר זאָגן, נאָר גיט מיר די מיידל פאַר אַ ווייב.

[13] האָבן די זין פון יעקבן געענטפערט שכמען און זיין פאָטער חמורן מיט ליסטיקייט, און זיי האָבן גערעדט—ווייל ער האָט פאַראומרייניקט זייער שוועסטער דינהן—[14] און זיי האָבן צו זיי געזאָגט: מיר קענען ניט טאָן דידאָזיקע זאַך, צו געבן אונדזער שוועסטער צו אַ מאַן וואָס איז אומבאַשניטן, וואָרום דאָס איז אַ חרפה פאַר אונדז. [15] נאָר מיט דעם באַדינג וועלן מיר אַיינוויליקן צו אַייך: אויב איר וועט ווערן אַזוי ווי מיר, אַז ביי אַייך זאָל געמלט ווערן איטלעכער מאַנספאַרשוין. [16] דענסטמאָל וועלן מיר אַייך געבן אונדזערע טעכטער, און אַייערע טעכטער וועלן מיר אונדז נעמען, און מיר וועלן זיך באַזעצן ביי אַייך, און ווערן איין פאָלק. [17] אָבער אַז איר וועט ניט צוהערן צו אונדז, זיך צו מלן, וועלן מיר נעמען אונדזער טאָכטער, און מיר וועלן אַוועקגיין.

[18] און זייערע ווערטער זיינען ווילגעפעלן אין די אויגן פון חמורן, און אין די אויגן פון שכם דעם זון פון חמורן. [19] און דער יונג האָט ניט געזאַמט צו טאָן די זאַך, וואָרום ער האָט געגאַרט נאָך דער טאָכטער פון יעקבן; און ער איז געווען דער אָנגעזעענסטער פון דעם גאַנצן הויז פון זיין פאָטער. [20] און חמור און זיין זון שכם זיינען געקומען צום טויער פון זייער שטאָט, און האָבן גערעדט צו די מענטשן פון זייער שטאָט, אַזוי צו זאָגן: [21] דידאָזיקע מענטשן זיינען אין שלום מיט אונדז; זאָלן זיי זיך באַזעצן אין לאַנד, און פאַרקערן דרינען; וואָרום זעט, דאָס לאַנד ליגט געראַם אין אָרט פאַר זיי. זייערע טעכטער וועלן מיר אונדז נעמען פאַר ווייבער, און אונדזערע טעכטער וועלן מיר זיי געבן. [22] אָבער נאָר מיט דעם באַדינג וועלן די מענטשן אַיינוויליקן צו אונדז זיך צו באַזעצן ביי אונדז, צו ווערן איין פאָלק, אַז ביי אונדז זאָל געמלט ווערן איטלעכער מאַנספאַרשוין, אַזוי ווי זיי זיינען געמלט. [23] זייער פי, און זייער אייגנס, און אַלע זייערע בהמות, וועלן דאָך זיין אונדזערע; זאָלן מיר נאָר אַיינוויליקן צו זיי, און זיי זאָלן זיך באַזעצן ביי אונדז.

כד אִתָּנוּ׃ וַיִּשְׁמְעוּ אֶל־חֲמוֹר וְאֶל־שְׁכֶם בְּנוֹ כָּל־יֹצְאֵי שַׁעַר
כה עִירוֹ וַיִּמֹּלוּ כָּל־זָכָר כָּל־יֹצְאֵי שַׁעַר עִירוֹ׃ וַיְהִי בַיּוֹם
הַשְּׁלִישִׁי בִּהְיוֹתָם כֹּאֲבִים וַיִּקְחוּ שְׁנֵי־בְנֵי־יַעֲקֹב שִׁמְעוֹן
וְלֵוִי אֲחֵי דִינָה אִישׁ חַרְבּוֹ וַיָּבֹאוּ עַל־הָעִיר בֶּטַח וַיַּהַרְגוּ
כו כָּל־זָכָר׃ וְאֶת־חֲמוֹר וְאֶת־שְׁכֶם בְּנוֹ הָרְגוּ לְפִי־חָרֶב וַיִּקְחוּ
כז אֶת־דִּינָה מִבֵּית שְׁכֶם וַיֵּצֵאוּ׃ בְּנֵי יַעֲקֹב בָּאוּ עַל־הַחֲלָלִים
כח וַיָּבֹזּוּ הָעִיר אֲשֶׁר טִמְּאוּ אֲחוֹתָם׃ אֶת־צֹאנָם וְאֶת־בְּקָרָם
וְאֶת־חֲמֹרֵיהֶם וְאֵת אֲשֶׁר־בָּעִיר וְאֶת־אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה לָקָחוּ׃
כט וְאֶת־כָּל־חֵילָם וְאֶת־כָּל־טַפָּם וְאֶת־נְשֵׁיהֶם שָׁבוּ וַיָּבֹזּוּ וְאֵת
ל כָּל־אֲשֶׁר בַּבָּיִת׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־שִׁמְעוֹן וְאֶל־לֵוִי עֲכַרְתֶּם
אֹתִי לְהַבְאִישֵׁנִי בְּיֹשֵׁב הָאָרֶץ בַּכְּנַעֲנִי וּבַפְּרִזִּי וַאֲנִי מְתֵי
לא מִסְפָּר וְנֶאֶסְפוּ עָלַי וְהִכּוּנִי וְנִשְׁמַדְתִּי אֲנִי וּבֵיתִי׃ וַיֹּאמְרוּ
הַכְזוֹנָה יַעֲשֶׂה אֶת־אֲחוֹתֵנוּ׃ פ

לה

א וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־יַעֲקֹב קוּם עֲלֵה בֵית־אֵל וְשֶׁב־שָׁם
וַעֲשֵׂה־שָׁם מִזְבֵּחַ לָאֵל הַנִּרְאֶה אֵלֶיךָ בְּבָרְחֲךָ מִפְּנֵי עֵשָׂו
ב אָחִיךָ׃ וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־בֵּיתוֹ וְאֶל כָּל־אֲשֶׁר עִמּוֹ הָסִרוּ
אֶת־אֱלֹהֵי הַנֵּכָר אֲשֶׁר בְּתֹכְכֶם וְהִטַּהֲרוּ וְהַחֲלִיפוּ
ג שִׂמְלֹתֵיכֶם׃ וְנָקוּמָה וְנַעֲלֶה בֵּית־אֵל וְאֶעֱשֶׂה־שָּׁם מִזְבֵּחַ
לָאֵל הָעֹנֶה אֹתִי בְּיוֹם צָרָתִי וַיְהִי עִמָּדִי בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר
ד הָלָכְתִּי׃ וַיִּתְּנוּ אֶל־יַעֲקֹב אֵת כָּל־אֱלֹהֵי הַנֵּכָר אֲשֶׁר בְּיָדָם
וְאֶת־הַנְּזָמִים אֲשֶׁר בְּאָזְנֵיהֶם וַיִּטְמֹן אֹתָם יַעֲקֹב תַּחַת
ה הָאֵלָה אֲשֶׁר עִם־שְׁכֶם׃ וַיִּסָּעוּ וַיְהִי ׀ חִתַּת אֱלֹהִים עַל־
הֶעָרִים אֲשֶׁר סְבִיבוֹתֵיהֶם וְלֹא רָדְפוּ אַחֲרֵי בְּנֵי יַעֲקֹב׃
ו וַיָּבֹא יַעֲקֹב לוּזָה אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ כְּנַעַן הִוא בֵּית־אֵל הוּא
ז וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר־עִמּוֹ׃ וַיִּבֶן שָׁם מִזְבֵּחַ וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם
אֵל בֵּית־אֵל כִּי שָׁם נִגְלוּ אֵלָיו הָאֱלֹהִים בְּבָרְחוֹ מִפְּנֵי

לד,כה׳ סגול באתנח  לא׳ זין רבתי  לה,ז׳ קדש

[24] האָבן אַלע אַרויסגייער פון דעם טויער פון זיין שטאָט צוגעהערט צו חמורן און צו זיין זון שכמען, און אַלע מאַנספּאַרשוינען זיינען געמלט געוואָרן, אַלע אַרויסגייער פון דעם טויער פון זיין שטאָט.

[25] און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, ווען זיי זיינען געווען אין ווייטאָק, האָבן יעקבס צוויי זין, שמעון און לוי, די ברידער פון דינהן, גענומען איטלעכער זיין שווערד, און זיי זיינען געקומען זיכערערהייט אויף דער שטאָט, און האָבן אויסגעהרגעט אַלע מאַנספּאַרשוינען. [26] אויך חמורן און זיין זון שכמען האָבן זיי געהרגעט מיטן שאַרף פון שווערד; און זיי האָבן צוגענומען דינהן פון שכמס הויז, און זיינען אַרויסגעגאַנגען. [27] זיינען די זין פון יעקבן געקומען אויף די דערשלאָגענע, און האָבן אויסגערויבט די שטאָט, ווייל זיי האָבן פאַראומרייניקט זייער שוועסטער; [28] זייערע שאָף און זייערע רינדער און זייערע אייזלען, סיי וואָס אין שטאָט, סיי וואָס אין פעלד, האָבן זיי צוגענומען; [29] און זייער גאַנצן פאַרמעג, און אַלע זייערע קליינע קינדער און זייערע ווייבער, האָבן זיי געפאַנגען און אַוועקגערויבט—אַלץ וואָס אין הויז.

[30] האָט יעקב געזאָגט צו שמעונען און צו לוין: איר האָט מיך פאַראומגליקט, מיך צו פאַרמיאוסן ביי דעם באַוווינער פון לאַנד, ביי דעם כנעני און ביי דעם פּרזי; וואָרום איך בין אַ הייפל מענטשן, און זיי וועלן זיך אויפקלייבן אַקעגן מיר, און וועלן מיך שלאָגן, און איך און מיין הויז וועלן פאַרטיליקט ווערן. [31] האָבן זיי געזאָגט: זאָל מען אַזוי ווי מיט אַ זונה זיך באַגיין מיט אונדזער שוועסטער?

לה [1] און גאָט האָט געזאָגט צו יעקבן: שטיי אויף, גיי אַרויף קיין בית־אל און זיץ דאָרטן, און מאַך דאָרטן אַ מזבח צו דעם גאָט וואָס האָט זיך באַוויזן צו דיר ביי דיין אַנטלויפן פון דיין ברודער עשׂון.

[2] האָט יעקב געזאָגט צו זיין הויזגעזינט, און צו אַלע וואָס מיט אים: טוט אָפּ די פרעמדע געטער וואָס צווישן אייך, און רייניקט אייך, און בייט איבער אייערע קליידער. [3] און לאָמיר אויפשטיין און אַרויפגיין קיין בית־אל, און איך וועל דאָרטן מאַכן אַ מזבח צו דעם גאָט וואָס האָט מיר געענטפערט אין טאָג פון מיין נויט, און איז געווען מיט מיר אויף דעם וועג וואָס איך בין געגאַנגען.

[4] האָבן זיי אָפּגעגעבן יעקבן אַלע פרעמדע געטער וואָס אין זייער האַנט, און די אוירינגען וואָס אין זייערע אויערן; און יעקב האָט זיי באַהאַלטן אונטער דעם אייכנבוים וואָס ביי שכם. [5] און זיי האָבן אַוועקגעצויגן; און אַ שרעק פון גאָט איז געווען אויף די שטעט וואָס אַרום זיי, און זיי האָבן ניט נאָכגעיאָגט די זין פון יעקבן.

[6] און יעקב איז געקומען קיין לוז וואָס אין לאַנד כנען—דאָס איז בית־אל—ער און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים. [7] און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח, און האָט גערופן דעם אָרט אל־בית־אל[א], וואָרום דאָרטן האָט זיך גאָט אַנטפּלעקט צו אים ביי זיין אַנטלויפן פון זיין ברודער.

[א] דער גאָט פון בית־אל.

אָחִיו׃ וַתָּמָת דְּבֹרָה מֵינֶקֶת רִבְקָה וַתִּקָּבֵר מִתַּחַת לְבֵית־ ח
אֵל תַּחַת הָאַלּוֹן וַיִּקְרָא שְׁמוֹ אַלּוֹן בָּכוּת׃ פ
וַיֵּרָא אֱלֹהִים אֶל־יַעֲקֹב עוֹד בְּבֹאוֹ מִפַּדַּן אֲרָם וַיְבָרֶךְ ט
אֹתוֹ׃ וַיֹּאמֶר־לוֹ אֱלֹהִים שִׁמְךָ יַעֲקֹב לֹא־יִקָּרֵא שִׁמְךָ עוֹד י
יַעֲקֹב כִּי אִם־יִשְׂרָאֵל יִהְיֶה שְׁמֶךָ וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ יִשְׂרָאֵל׃
וַיֹּאמֶר לוֹ אֱלֹהִים אֲנִי אֵל שַׁדַּי פְּרֵה וּרְבֵה גּוֹי וּקְהַל גּוֹיִם יא
יִהְיֶה מִמֶּךָּ וּמְלָכִים מֵחֲלָצֶיךָ יֵצֵאוּ׃ וְאֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר ששי
נָתַתִּי לְאַבְרָהָם וּלְיִצְחָק לְךָ אֶתְּנֶנָּה וּלְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ אֶתֵּן
אֶת־הָאָרֶץ׃ וַיַּעַל מֵעָלָיו אֱלֹהִים בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר־דִּבֶּר אִתּוֹ׃ יג
וַיַּצֵּב יַעֲקֹב מַצֵּבָה בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר־דִּבֶּר אִתּוֹ מַצֶּבֶת אָבֶן יד
וַיַּסֵּךְ עָלֶיהָ נֶסֶךְ וַיִּצֹק עָלֶיהָ שָׁמֶן׃ וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶת־שֵׁם טו
הַמָּקוֹם אֲשֶׁר דִּבֶּר אִתּוֹ שָׁם אֱלֹהִים בֵּית־אֵל׃ וַיִּסְעוּ טז
מִבֵּית אֵל וַיְהִי־עוֹד כִּבְרַת־הָאָרֶץ לָבוֹא אֶפְרָתָה וַתֵּלֶד
רָחֵל וַתְּקַשׁ בְּלִדְתָּהּ׃ וַיְהִי בְהַקְשֹׁתָהּ בְּלִדְתָּהּ וַתֹּאמֶר יז
לָהּ הַמְיַלֶּדֶת אַל־תִּירְאִי כִּי־גַם־זֶה לָךְ בֵּן׃ וַיְהִי בְּצֵאת יח
נַפְשָׁהּ כִּי מֵתָה וַתִּקְרָא שְׁמוֹ בֶּן־אוֹנִי וְאָבִיו קָרָא־לוֹ
בִנְיָמִין׃ וַתָּמָת רָחֵל וַתִּקָּבֵר בְּדֶרֶךְ אֶפְרָתָה הִוא בֵּית יט
לָחֶם׃ וַיַּצֵּב יַעֲקֹב מַצֵּבָה עַל־קְבֻרָתָהּ הִוא מַצֶּבֶת קְבֻרַת־ כ
רָחֵל עַד־הַיּוֹם׃ וַיִּסַּע יִשְׂרָאֵל וַיֵּט אָהֳלֹה מֵהָלְאָה לְמִגְדַּל־ כא
עֵדֶר׃ וַיְהִי בִּשְׁכֹּן יִשְׂרָאֵל בָּאָרֶץ הַהִוא וַיֵּלֶךְ רְאוּבֵן וַיִּשְׁכַּב כב
אֶת־בִּלְהָה פִּילֶגֶשׁ אָבִיו וַיִּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל * פ
וַיִּהְיוּ בְנֵי־יַעֲקֹב שְׁנֵים עָשָׂר׃ בְּנֵי לֵאָה בְּכוֹר יַעֲקֹב כג
רְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן וְלֵוִי וִיהוּדָה וְיִשָּׂשכָר וּזְבֻלוּן׃ בְּנֵי רָחֵל כד
יוֹסֵף וּבִנְיָמִן׃ וּבְנֵי בִלְהָה שִׁפְחַת רָחֵל דָּן וְנַפְתָּלִי׃ וּבְנֵי כה כו
זִלְפָּה שִׁפְחַת לֵאָה גָּד וְאָשֵׁר אֵלֶּה בְּנֵי יַעֲקֹב אֲשֶׁר יֻלַּד־
לוֹ בְּפַדַּן אֲרָם׃ וַיָּבֹא יַעֲקֹב אֶל־יִצְחָק אָבִיו מַמְרֵא כז
קִרְיַת הָאַרְבַּע הִוא חֶבְרוֹן אֲשֶׁר־גָּר־שָׁם אַבְרָהָם וְיִצְחָק׃

כב׳ ב׳ טעמים; פסקא באמצע פסוק

8 און דבורה, רבקהס אַם, איז געשטאָרבן, און זי איז באַגראָבן געוואָרן אונטער בית־אֵל, אונטער דעם אײַכנבוים; און ער האָט גערופֿן זײַן נאָמען אַלון־בָּכות[א].

9 און גאָט האָט זיך ווידער באַוויזן צו יעקבן בײַ זײַן קומען פֿון פַּדַן־אֲרָם, און ער האָט אים געבענטשט. 10 און גאָט האָט צו אים געזאָגט: דײַן נאָמען איז יעקב; זאָל מער ניט גערופֿן ווערן דײַן נאָמען יעקב, נײַערט ישׂראל זאָל זײַן דײַן נאָמען; און ער האָט גערופֿן זײַן נאָמען ישׂראל. 11 און גאָט האָט צו אים געזאָגט: איך בין גאָט שַׁדַי, פֿרוכפּער דיך און מער דיך; אַ פֿאָלק און אַ געזעמל פֿעלקער זאָל ווערן פֿון דיר, און מלכים זאָלן אַרויסגיין פֿון דײַנע לענדן. 12 און דאָס לאַנד וואָס איך האָב געגעבן אַברהמען און יצחקן, דיר וועל איך עס געבן, און דײַן זאָמען נאָך דיר וועל איך געבן דאָס לאַנד.

13 און גאָט האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון איבער אים אין דעם אָרט ווו ער האָט מיט אים גערעדט. 14 און יעקב האָט אויפֿגעשטעלט אַ זײַל אויף דעם אָרט ווו ער האָט מיט אים גערעדט, אַ זײַל פֿון שטיין, און ער האָט אַרויפֿגעגאָסן אויף אים אַ גיסאָפּפֿער, און געגאָסן אויף אים אייל. 15 און יעקב האָט גערופֿן דעם נאָמען פֿון דעם אָרט וואָס גאָט האָט גערעדט מיט אים דאָרטן, בית־אֵל.

16 און זיי האָבן אַוועקגעצויגן פֿון בית־אֵל. און ווען עס איז נאָך געווען אַ שטרעק לאַנד צו קומען קיין אֶפְרָת, איז רחל געגאַנגען צו קינד, און זי האָט געהאַט אַ שווערע געבורט. 17 און עס איז געווען, אין איר שווערער געבורט, האָט די הײַבין צו איר געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרום אויך דאָס איז דיר אַ זון. 18 און עס איז געווען, ווען איר נשמה איז אויסגעגאַנגען, בעת זי איז געשטאָרבן, האָט זי גערופֿן זײַן נאָמען בֶּן־אוני[ב]; אָבער זײַן פֿאָטער האָט אים גערופֿן בִּנְיָמִין[ג].

19 און רחל איז געשטאָרבן, און זי איז באַגראָבן געוואָרן אויפֿן וועג קיין אֶפְרָת, דאָס איז בית־לֶחֶם. 20 און יעקב האָט געשטעלט אַ מצבה אויף איר קבר; דאָס איז די מצבה פֿון רחלס קבר ביז אויף הײַנט.

21 און ישׂראל האָט אַוועקגעצויגן, און ער האָט אויפֿגעשטעלט זײַן געצעלט פֿון יענער זײַט מִגְדַל־עֵדֶר.

22 און עס איז געווען ווען ישׂראל האָט געוווינט אין יענעם לאַנד, איז געגאַנגען ראובן און איז געלעגן מיט בִּלְהָה, זײַן פֿאָטערס קעפּסווײַב; און ישׂראל האָט עס געהערט.

און די זין פֿון יעקבן זײַנען געווען צוועלף: 23 די זין פֿון לאהן: יעקבס בְּכור ראובן, און שמעון, און לֵוִי, און יהודה, און יִשָׂשכָר, און זבולון; 24 די זין פֿון רחלען: יוסף און בנימין; 25 און די זין פֿון בִּלְהָה, רחלס דינסט: דָן און נפתלי; 26 און די זין פֿון זִלְפָּה, לאהס דינסט: גָד און אָשֵׁר. דאָס זײַנען די זין פֿון יעקבן, וואָס זײַנען אים געבאָרן געוואָרן אין פַּדַן־אֲרָם.

27 און יעקב איז געקומען צו זײַן פֿאָטער יצחקן קיין מַמְרֵא, קיין קִרְיַת־אַרבַּע–דאָס איז חֶבְרוֹן–וואָס דאָרטן האָט געוווינט אַברהם און יצחק.

[א] אײַכנבוים פֿון געוויין. [ב] זון פֿון מײַן טרויער. [ג] זון פֿון דער רעכטער האַנט.

כח כט וַיִּהְיוּ יְמֵי יִצְחָק מְאַת שָׁנָה וּשְׁמֹנִים שָׁנָה׃ וַיִּגְוַע יִצְחָק
וַיָּמָת וַיֵּאָסֶף אֶל־עַמָּיו זָקֵן וּשְׂבַע יָמִים וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ עֵשָׂו
וְיַעֲקֹב בָּנָיו׃ פ

לו

א ב וְאֵלֶּה תֹּלְדוֹת עֵשָׂו הוּא אֱדוֹם׃ עֵשָׂו לָקַח אֶת־נָשָׁיו מִבְּנוֹת
כְּנָעַן אֶת־עָדָה בַּת־אֵילוֹן הַחִתִּי וְאֶת־אָהֳלִיבָמָה בַּת־עֲנָה
ג בַּת־צִבְעוֹן הַחִוִּי׃ וְאֶת־בָּשְׂמַת בַּת־יִשְׁמָעֵאל אֲחוֹת נְבָיוֹת׃
ד וַתֵּלֶד עָדָה לְעֵשָׂו אֶת־אֱלִיפָז וּבָשְׂמַת יָלְדָה אֶת־רְעוּאֵל׃
ה וְאָהֳלִיבָמָה יָלְדָה אֶת־יְעוּשׁ וְאֶת־יַעְלָם וְאֶת־קֹרַח אֵלֶּה
ו בְּנֵי עֵשָׂו אֲשֶׁר יֻלְּדוּ־לוֹ בְּאֶרֶץ כְּנָעַן׃ וַיִּקַּח עֵשָׂו אֶת־נָשָׁיו
וְאֶת־בָּנָיו וְאֶת־בְּנֹתָיו וְאֶת־כָּל־נַפְשׁוֹת בֵּיתוֹ וְאֶת־מִקְנֵהוּ
וְאֶת־כָּל־בְּהֶמְתּוֹ וְאֵת כָּל־קִנְיָנוֹ אֲשֶׁר רָכַשׁ בְּאֶרֶץ כְּנָעַן
ז וַיֵּלֶךְ אֶל־אֶרֶץ מִפְּנֵי יַעֲקֹב אָחִיו׃ כִּי־הָיָה רְכוּשָׁם רָב
מִשֶּׁבֶת יַחְדָּו וְלֹא יָכְלָה אֶרֶץ מְגוּרֵיהֶם לָשֵׂאת אֹתָם
ח ט מִפְּנֵי מִקְנֵיהֶם׃ וַיֵּשֶׁב עֵשָׂו בְּהַר שֵׂעִיר עֵשָׂו הוּא אֱדוֹם׃
י וְאֵלֶּה תֹּלְדוֹת עֵשָׂו אֲבִי אֱדוֹם בְּהַר שֵׂעִיר׃ אֵלֶּה שְׁמוֹת
בְּנֵי־עֵשָׂו אֱלִיפַז בֶּן־עָדָה אֵשֶׁת עֵשָׂו רְעוּאֵל בֶּן־בָּשְׂמַת
יא אֵשֶׁת עֵשָׂו׃ וַיִּהְיוּ בְּנֵי אֱלִיפָז תֵּימָן אוֹמָר צְפוֹ וְגַעְתָּם
יב וּקְנַז׃ וְתִמְנַע ׀ הָיְתָה פִילֶגֶשׁ לֶאֱלִיפַז בֶּן־עֵשָׂו וַתֵּלֶד
יג לֶאֱלִיפַז אֶת־עֲמָלֵק אֵלֶּה בְּנֵי עָדָה אֵשֶׁת עֵשָׂו׃ וְאֵלֶּה בְּנֵי
רְעוּאֵל נַחַת וָזֶרַח שַׁמָּה וּמִזָּה אֵלֶּה הָיוּ בְּנֵי בָשְׂמַת אֵשֶׁת
יד עֵשָׂו׃ וְאֵלֶּה הָיוּ בְּנֵי אָהֳלִיבָמָה בַת־עֲנָה בַּת־צִבְעוֹן אֵשֶׁת
טו עֵשָׂו וַתֵּלֶד לְעֵשָׂו אֶת־יְעוּשׁ וְאֶת־יַעְלָם וְאֶת־קֹרַח׃ אֵלֶּה
אַלּוּפֵי בְנֵי־עֵשָׂו בְּנֵי אֱלִיפַז בְּכוֹר עֵשָׂו אַלּוּף תֵּימָן אַלּוּף
טז אוֹמָר אַלּוּף צְפוֹ אַלּוּף קְנַז׃ אַלּוּף קֹרַח אַלּוּף גַּעְתָּם
אַלּוּף עֲמָלֵק אֵלֶּה אַלּוּפֵי אֱלִיפַז בְּאֶרֶץ אֱדוֹם אֵלֶּה בְּנֵי
יז עָדָה׃ וְאֵלֶּה בְּנֵי רְעוּאֵל בֶּן־עֵשָׂו אַלּוּף נַחַת אַלּוּף זֶרַח

לו, ה׳ יד׳ יעיש ק׳

[28] און די טעג פון יצחקן זיינען געווען הונדערט יאָר און אַכציק יאָר. [29] און יצחק איז פאַרגאַנגען און איז געשטאָרבן, און ער איז אַיינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק, אַלט און זאַט מיט טעג. און עֵשָׂו און יעקב זיינע זין האָבן אים באַגראָבן.

## לו

[1] און דאָס זיינען די געבורטן פון עֵשָׂון, דאָס איז אֱדוֹם. [2] עֵשָׂו האָט גענומען זיינע ווייבער פון די טעכטער פון כּנַעַן: עָדָה די טאָכטער פון אֵילוֹן דעם חִתּי, און אָהֳלִיבָמָה די טאָכטער פון עֲנָהן, די טאָכטער פון צִבְעוֹן דעם חִוִי; [3] און בָּשׂמַת די טאָכטער פון יִשמָעֵאלן, די שוועסטער פון נבָיוֹתן. [4] און עָדָה האָט עֵשָׂון געבאָרן אֱלִיפַזן; און בָּשׂמַת האָט געבאָרן רְעוּאֵלן; [5] און אָהֳלִיבָמָה האָט געבאָרן יְעוּשן, און יַעְלָמען, און קֹרַחן. דאָס זיינען די זין פון עֵשָׂון, וואָס זיינען אים געבאָרן געוואָרן אין לאַנד כּנַעַן.

[6] און עֵשָׂו האָט גענומען זיינע ווייבער, און זיינע זין און זיינע טעכטער, און אַלע נפשות פון זיין הויזגעזינט, און זיין פי, און אַלע זיינע בהמות, און זיין גאַנץ אייגנס וואָס ער האָט אָנגעקליבן אין לאַנד כּנַעַן, און ער איז אַוועק געגאַנגען אין אַ לאַנד, אַוועק פון זיין ברודער יעקבן. [7] וואָרום זייער פאַרמעג איז געווען צו גרויס אויף צו זיצן באַנאַנד, און דאָס לאַנד פון זייער וווינשאַפט האָט זיי ניט געקענט טראָגן פון וועגן זייער פי. [8] האָט עֵשָׂו זיך באַזעצט אויפן באַרג שֵׂעִיר; עֵשָׂו דאָס איז אֱדוֹם.

[9] און דאָס זיינען די געבורטן פון עֵשָׂו דעם פאָטער פון אֱדוֹם אויפן באַרג שֵׂעִיר. [10] דאָס זיינען די נעמען פון עֵשָׂוס זין: אֱלִיפַז דער זון פון עֵשָׂוס ווייב עָדָהן, רְעוּאֵל דער זון פון עֵשָׂוס ווייב בָּשׂמַתן. [11] און די זין פון אֱלִיפַזן זיינען געווען: תֵּימָן, אוֹמָר, צפוֹ, און גַעְתָּם, און קנַז. [12] און תִּמנַע איז געווען אַ קעפּסווייב פון עֵשָׂוס זון אֱלִיפַזן, און זי האָט אֱלִיפַזן געבאָרן עֲמָלֵקן. דאָס זיינען די זין פון עֵשָׂוס ווייב עָדָהן. [13] און דאָס זיינען די זין פון רְעוּאֵלן: נַחַת, און זֶרַח, שַׁמָּה, און מִזָּה. דאָס זיינען געווען די זין פון עֵשָׂוס ווייב בָּשׂמַתן. [14] און דאָס זיינען געווען די זין פון עֵשָׂוס ווייב אָהֳלִיבָמָה דער טאָכטער פון עֲנָהן, דער טאָכטער פון צִבְעוֹנען; זי האָט עֵשָׂון געבאָרן יְעוּשן, און יַעְלָמען, און קֹרַחן.

[15] דאָס זיינען די פירשטן פון די קינדער פון עֵשָׂו: די קינדער פון עֵשָׂוס בכוֹר אֱלִיפַזן: דער פירשט פון תֵּימָן, דער פירשט פון אוֹמָר, דער פירשט פון צפוֹ, דער פירשט פון קנַז, [16] דער פירשט פון קֹרַח, דער פירשט פון גַעְתָּם, דער פירשט פון עֲמָלֵק. דאָס זיינען די פירשטן פון אֱלִיפַז אין לאַנד אֱדוֹם. דאָס זיינען די קינדער פון עָדָהן. [17] און דאָס זיינען די קינדער פון עֵשָׂוס זון רְעוּאֵלן: דער פירשט פון נַחַת, דער פירשט פון זֶרַח,

אַלּוּף שַׁמָּה אַלּוּף מִזָּה אֵלֶּה אַלּוּפֵי רְעוּאֵל בְּאֶרֶץ אֱדוֹם
אֵלֶּה בְּנֵי בָשְׂמַת אֵשֶׁת עֵשָׂו׃ וְאֵלֶּה בְּנֵי אָהֳלִיבָמָה אֵשֶׁת יח
עֵשָׂו אַלּוּף יְעוּשׁ אַלּוּף יַעְלָם אַלּוּף קֹרַח אֵלֶּה אַלּוּפֵי
אָהֳלִיבָמָה בַּת־עֲנָה אֵשֶׁת עֵשָׂו׃ אֵלֶּה בְנֵי־עֵשָׂו וְאֵלֶּה יט
אַלּוּפֵיהֶם הוּא אֱדוֹם׃ ס אֵלֶּה בְנֵי־שֵׂעִיר הַחֹרִי שב׳
יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ לוֹטָן וְשׁוֹבָל וְצִבְעוֹן וַעֲנָה׃ וְדִשׁוֹן וְאֵצֶר כא
וְדִישָׁן אֵלֶּה אַלּוּפֵי הַחֹרִי בְּנֵי שֵׂעִיר בְּאֶרֶץ אֱדוֹם׃ וַיִּהְיוּ כב
בְנֵי־לוֹטָן חֹרִי וְהֵימָם וַאֲחוֹת לוֹטָן תִּמְנָע׃ וְאֵלֶּה בְּנֵי כג
שׁוֹבָל עַלְוָן וּמָנַחַת וְעֵיבָל שְׁפוֹ וְאוֹנָם׃ וְאֵלֶּה בְנֵי־צִבְעוֹן כד
וְאַיָּה וַעֲנָה הוּא עֲנָה אֲשֶׁר מָצָא אֶת־הַיֵּמִם בַּמִּדְבָּר בִּרְעֹתוֹ
אֶת־הַחֲמֹרִים לְצִבְעוֹן אָבִיו׃ וְאֵלֶּה בְנֵי־עֲנָה דִּשֹׁן וְאָהֳלִיבָמָה כה
בַּת־עֲנָה׃ וְאֵלֶּה בְּנֵי דִישָׁן חֶמְדָּן וְאֶשְׁבָּן וְיִתְרָן וּכְרָן׃ כו
אֵלֶּה בְּנֵי־אֵצֶר בִּלְהָן וְזַעֲוָן וַעֲקָן׃ אֵלֶּה בְנֵי־דִישָׁן עוּץ וַאֲרָן׃ כז כח
אֵלֶּה אַלּוּפֵי הַחֹרִי אַלּוּף לוֹטָן אַלּוּף שׁוֹבָל אַלּוּף צִבְעוֹן כט
אַלּוּף עֲנָה׃ אַלּוּף דִּשֹׁן אַלּוּף אֵצֶר אַלּוּף דִּישָׁן אֵלֶּה ל
אַלּוּפֵי הַחֹרִי לְאַלֻּפֵיהֶם בְּאֶרֶץ שֵׂעִיר׃ פ
וְאֵלֶּה הַמְּלָכִים אֲשֶׁר מָלְכוּ בְּאֶרֶץ אֱדוֹם לִפְנֵי מְלָךְ־מֶלֶךְ לא
לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּמְלֹךְ בֶּאֱדוֹם בֶּלַע בֶּן־בְּעוֹר וְשֵׁם עִירוֹ לב
דִּנְהָבָה׃ וַיָּמָת בָּלַע וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו יוֹבָב בֶּן־זֶרַח מִבָּצְרָה׃ לג
וַיָּמָת יוֹבָב וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו חֻשָׁם מֵאֶרֶץ הַתֵּימָנִי׃ וַיָּמָת לד לה
חֻשָׁם וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו הֲדַד בֶּן־בְּדַד הַמַּכֶּה אֶת־מִדְיָן
בִּשְׂדֵה מוֹאָב וְשֵׁם עִירוֹ עֲוִית׃ וַיָּמָת הֲדָד וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו לו
שַׂמְלָה מִמַּשְׂרֵקָה׃ וַיָּמָת שַׂמְלָה וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו שָׁאוּל לז
מֵרְחֹבוֹת הַנָּהָר׃ וַיָּמָת שָׁאוּל וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו בַּעַל חָנָן לח
בֶּן־עַכְבּוֹר׃ וַיָּמָת בַּעַל חָנָן בֶּן־עַכְבּוֹר וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו לט
הֲדַר וְשֵׁם עִירוֹ פָּעוּ וְשֵׁם אִשְׁתּוֹ מְהֵיטַבְאֵל בַּת־מַטְרֵד
בַּת מֵי זָהָב׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת אַלּוּפֵי עֵשָׂו לְמִשְׁפְּחֹתָם מפ׳
לִמְקֹמֹתָם בִּשְׁמֹתָם אַלּוּף תִּמְנָע אַלּוּף עַלְוָה אַלּוּף יְתֵת׃

דער פירשט פון שַׁמָּה, דער פירשט פון מִזָּה. דאָס זיינען די פירשטן פון רְעוּאֵל אין לאַנד אֱדוֹם. דאָס זיינען די קינדער פון עֵשָׂוס ווייב בָּשְׂמַתן. [18] און דאָס זיינען די קינדער פון עֵשָׂוס ווייב אָהֳלִיבָמָהן: דער פירשט פון יְעוּשׁ, דער פירשט פון יַעְלָם, דער פירשט פון קֹרַח; דאָס זיינען די פירשטן פון עֵשָׂוס ווייב אָהֳלִיבָמָה דער טאָכטער פון עֲנָהן. [19] דאָס זיינען די קינדער פון עֵשָׂו, און דאָס זיינען זייערע פירשטן; דאָס איז אֱדוֹם.

[20] דאָס זיינען די זין פון שֵׂעִיר דעם חורי, די באַוווינער פון לאַנד: לוֹטָן, און שׁוֹבָל, און צִבְעוֹן, און עֲנָה, [21] און דִשׁוֹן, און אֵצֶר, און דִישָׁן, דאָס זיינען די פירשטן פון די חורים, די קינדער פון שֵׂעִיר אין לאַנד אֱדוֹם. [22] און די זין פון לוֹטָנען זיינען געווען חורי און הֵימָם. און לוֹטָנס שוועסטער איז געווען תִּמְנָע. [23] און דאָס זיינען די זין פון שׁוֹבָלן: עַלְוָן, און מָנַחַת, און עֵיבָל, שְׁפוֹ, און אוֹנָם. [24] און דאָס זיינען די זין פון צִבְעוֹנען: אַיָּה און עֲנָה. דאָס איז דער עֲנָה וואָס האָט געפונען די הייסע קוואַלן אין דער מדבר, ווען ער האָט געפיטערט די אייזלען פון זיין פאָטער צִבְעוֹנען. [25] און דאָס זיינען די קינדער פון עֲנָהן: דִשֹׁן, און אָהֳלִיבָמָה די טאָכטער פון עֲנָהן. [26] און דאָס זיינען די זין פון דִשׁוֹנען: חֶמְדָּן, און אֶשְׁבָּן, און יִתְרָן, און כְרָן. [27] דאָס זיינען די זין פון אֵצֶרן: בִּלְהָן, און זַעֲוָן, און עֲקָן. [28] דאָס זיינען די זין פון דִישָׁנען: עוּץ און אֲרָן.

[29] דאָס זיינען די פירשטן פון דעם חורי: דער פירשט פון לוֹטָן, דער פירשט פון שׁוֹבָל, דער פירשט פון צִבְעוֹן, דער פירשט פון עֲנָה, [30] דער פירשט פון דִשׁוֹן, דער פירשט פון אֵצֶר, דעם פירשט פון דִישָׁן. דאָס זיינען די פירשטן פון די חורים, לויט זייערע פירשטן אין לאַנד שֵׂעִיר.

[31] און דאָס זיינען די מלכים וואָס האָבן געקיניגט אין לאַנד אֱדוֹם, איידער עס האָט געקיניגט אַ קיניג ביי די קינדער פון ישראל. [32] עס האָט געקיניגט אין אֱדוֹם בֶּלַע דער זון פון בְּעוֹרן; און דער נאָמען פון זיין שטאָט איז געווען דִנְהָבָה. [33] איז בֶּלַע געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט יוֹבָב דער זון פון זֶרַחן, פון בָּצְרָה. [34] איז יוֹבָב געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט חוּשָׁם פון לאַנד פון דעם תֵּימָנִי. [35] איז חוּשָׁם געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט הֲדַד דער זון פון בְּדַדן, וואָס האָט געשלאָגן מִדְיָן אין פעלד פון מוֹאָב; און דער נאָמען פון זיין שטאָט איז געווען עֲוִית. [36] איז הֲדַד געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט שַׂמְלָה פון מַשְׂרֵקָה. [37] איז שַׂמְלָה געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט שָׁאוּל פון רחובות ביים טייך. [38] איז שָׁאוּל געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט בַּעַל־חָנָן דער זון פון עַכְבּוֹרן. [39] איז בַּעַל־חָנָן דער זון פון עַכְבּוֹרן געשטאָרבן, און אויף זיין אָרט האָט געקיניגט הֲדַר; און דער נאָמען פון זיין שטאָט איז געווען פָּעוּ; און דער נאָמען פון זיין ווייב איז געווען מְהֵיטַבְאֵל די טאָכטער פון מַטְרֵד דער טאָכטער פון מֵי־זָהָבן.

[40] און דאָס זיינען די נעמען פון די פירשטן פון עֵשָׂו, לויט זייערע משפחות, לויט זייערע ערטער, מיט זייערע נעמען: דער פירשט פון תִּמְנָע, דער פירשט פון עַלְוָה, דער פירשט פון יְתֵת, [41] דער פירשט

פון אָהליבָמָה, דער פירשט פון אֵלָה, דער פירשט פון פּינֹון, [42] דער פירשט פון קנַז, דער פירשט פון תֵּימָן, דער פירשט פון מִבצָר, [43] דער פירשט פון מַגדיאֵל, דער פירשט פון עִירָם. דאָס זיינען די פירשטן פון אֱדום לויט זייערע וווינערטער, אין דעם לאַנד פון זייער אייגנטום. דאָס איז עֵשָׂו דער פאָטער פון אֱדום.

מא אַלּוּף אָהֳלִיבָמָה אַלּוּף אֵלָה אַלּוּף פִּינֹן׃ אַלּוּף קְנַז
מב אַלּוּף תֵּימָן אַלּוּף מִבְצָר׃ אַלּוּף מַגְדִּיאֵל אַלּוּף עִירָם
מג אֵלֶּה ׀ אַלּוּפֵי אֱדוֹם לְמֹשְׁבֹתָם בְּאֶרֶץ אֲחֻזָּתָם הוּא עֵשָׂו
אֲבִי אֱדוֹם׃ פ

# וַיֵּשֶׁב

## לז

לז [1] און יעקב איז געזעסן אין דעם לאַנד פון זיין פאָטערס וווינשאַפט, אין לאַנד כנַעַן.

[2] דאָס איז די געשיכטע פון יעקבן: יוסף צו זיבעצן יאָר איז געווען אַ פּאַסטוך מיט זיינע ברידער ביי די שאָף; און ער איז געווען אַ יִינגל אַקעגן די זין פון בִּלְהָהן, און אַקעגן די זין פון זִלְפָּהן, די ווייבער פון זיין פאָטער; און יוסף האָט געבראַכט בייזע רייד אויף זיי צו זייער פאָטער.

[3] און ישראל האָט ליב געהאַט יוספן מער פון אַלע זיינע זין, ווייל ער איז ביי אים געווען אַ בן־זקונים. און ער האָט אים געמאַכט אַ געשטרייפט העמדל. [4] און אַז זיינע ברידער האָבן געזען אַז זייער פאָטער האָט אים ליבער פון אַלע זיינע ברידער, האָבן זיי אים פיינט געקריגן, און ניט געקענט רעדן צו אים פרידלעך.

[5] און יוספן האָט זיך געחלומט אַ חלום, און ער האָט דערציילט זיינע ברידער, און זיי האָבן אים נאָך מער פיינט געקריגן. [6] און ער האָט צו זיי געזאָגט: הערט אַקאָרשט דעמדאָזיקן חלום וואָס מיר האָט זיך געחלומט: [7] מיר בינדן אַזוי גאַרבן אין פעלד, ערשט מיין גאַרב האָט זיך אויפגעהויבן, און איז אויך געבליבן שטיין; און זע, אײַערע גאַרבן האָבן זיך אַרומגעשטעלט, און האָבן זיך געבוקט צו מיין גאַרב.

א וַיֵּשֶׁב יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מְגוּרֵי אָבִיו בְּאֶרֶץ כְּנָעַן׃ אֵלֶּה ׀ תֹּלְדוֹת
ב יַעֲקֹב יוֹסֵף בֶּן־שְׁבַע־עֶשְׂרֵה שָׁנָה הָיָה רֹעֶה אֶת־אֶחָיו
בַּצֹּאן וְהוּא נַעַר אֶת־בְּנֵי בִלְהָה וְאֶת־בְּנֵי זִלְפָּה נְשֵׁי אָבִיו
ג וַיָּבֵא יוֹסֵף אֶת־דִּבָּתָם רָעָה אֶל־אֲבִיהֶם׃ וְיִשְׂרָאֵל אָהַב
אֶת־יוֹסֵף מִכָּל־בָּנָיו כִּי־בֶן־זְקֻנִים הוּא לוֹ וְעָשָׂה לוֹ כְּתֹנֶת
ד פַּסִּים׃ וַיִּרְאוּ אֶחָיו כִּי־אֹתוֹ אָהַב אֲבִיהֶם מִכָּל־אֶחָיו
ה וַיִּשְׂנְאוּ אֹתוֹ וְלֹא יָכְלוּ דַּבְּרוֹ לְשָׁלֹם׃ וַיַּחֲלֹם יוֹסֵף חֲלוֹם
ו וַיַּגֵּד לְאֶחָיו וַיּוֹסִפוּ עוֹד שְׂנֹא אֹתוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם שִׁמְעוּ־
ז נָא הַחֲלוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר חָלָמְתִּי׃ וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ מְאַלְּמִים
אֲלֻמִּים בְּתוֹךְ הַשָּׂדֶה וְהִנֵּה קָמָה אֲלֻמָּתִי וְגַם־נִצָּבָה וְהִנֵּה
ח תְסֻבֶּינָה אֲלֻמֹּתֵיכֶם וַתִּשְׁתַּחֲוֶיןָ לַאֲלֻמָּתִי׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ אֶחָיו
הֲמָלֹךְ תִּמְלֹךְ עָלֵינוּ אִם־מָשׁוֹל תִּמְשֹׁל בָּנוּ וַיּוֹסִפוּ עוֹד
ט שְׂנֹא אֹתוֹ עַל־חֲלֹמֹתָיו וְעַל־דְּבָרָיו׃ וַיַּחֲלֹם עוֹד חֲלוֹם
אַחֵר וַיְסַפֵּר אֹתוֹ לְאֶחָיו וַיֹּאמֶר הִנֵּה חָלַמְתִּי חֲלוֹם עוֹד
וְהִנֵּה הַשֶּׁמֶשׁ וְהַיָּרֵחַ וְאַחַד עָשָׂר כּוֹכָבִים מִשְׁתַּחֲוִים לִי׃
י וַיְסַפֵּר אֶל־אָבִיו וְאֶל־אֶחָיו וַיִּגְעַר־בּוֹ אָבִיו וַיֹּאמֶר לוֹ מָה
הַחֲלוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר חָלָמְתָּ הֲבוֹא נָבוֹא אֲנִי וְאִמְּךָ וְאַחֶיךָ
יא לְהִשְׁתַּחֲוֹת לְךָ אָרְצָה׃ וַיְקַנְאוּ־בוֹ אֶחָיו וְאָבִיו שָׁמַר אֶת־
שני הַדָּבָר׃ וַיֵּלְכוּ אֶחָיו לִרְעוֹת אֶת־צֹאן אֲבִיהֶם בִּשְׁכֶם׃
יג וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל־יוֹסֵף הֲלוֹא אַחֶיךָ רֹעִים בִּשְׁכֶם לְכָה
יד וְאֶשְׁלָחֲךָ אֲלֵיהֶם וַיֹּאמֶר לוֹ הִנֵּנִי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ לֶךְ־נָא רְאֵה

לז, יב׳ נקוד על את

[8] האָבן זיינע ברידער צו אים געזאָגט: קיניגן ווילסטו קיניגן איבער אונדז? אָדער געוועלטיקן ווילסטו געוועלטיקן איבער אונדז? און זיי האָבן אים נאָך מער פיינט געקריגן פאַר זיינע חלומות, און פאַר זיינע רייד.

[9] און אים האָט זיך ווידער געחלומט אַן אַנדער חלום, און ער האָט דערציילט זיינע ברידער, און האָט געזאָגט: אָט האָט זיך מיר ווידער געחלומט אַ חלום: ערשט די זון און די לבנה און די עלף שטערן בוקן זיך צו מיר.

[10] און ווי ער האָט עס דערציילט זיין פאָטער און זיינע ברידער, האָט זיין פאָטער אָנגעשריען אויף אים, און האָט צו אים געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ חלום וואָס דיר האָט זיך געחלומט? זאָל איך און דיין מוטער און דיינע ברידער גאָר קומען זיך בוקן פאַר דיר צו דער ערד?

[11] און די ברידער האָבן אים מקנא געווען; אָבער זיין פאָטער האָט די זאַך געהאַלטן אין זינען.

[12] און זיינע ברידער זיינען געגאַנגען פיטערן די שאָף פון זייער פאָטער אין שכֶם. [13] האָט ישראל געזאָגט צו יוספן: דיינע ברידער פיטערן דאָך אין שכֶם; קום און איך וועל דיך שיקן צו זיי. האָט ער צו אים געזאָגט: דאָ בין איך. [14] האָט ער

אֶת־שְׁלוֹם אַחֶיךָ וְאֶת־שְׁלוֹם הַצֹּאן וַהֲשִׁבֵנִי דָּבָר וַיִּשְׁלָחֵהוּ
מֵעֵמֶק חֶבְרוֹן וַיָּבֹא שְׁכֶמָה׃ וַיִּמְצָאֵהוּ אִישׁ וְהִנֵּה תֹעֶה טו
בַּשָּׂדֶה וַיִּשְׁאָלֵהוּ הָאִישׁ לֵאמֹר מַה־תְּבַקֵּשׁ׃ וַיֹּאמֶר אֶת־ טז
אַחַי אָנֹכִי מְבַקֵּשׁ הַגִּידָה־נָּא לִי אֵיפֹה הֵם רֹעִים׃ וַיֹּאמֶר יז
הָאִישׁ נָסְעוּ מִזֶּה כִּי שָׁמַעְתִּי אֹמְרִים נֵלְכָה דֹּתָיְנָה וַיֵּלֶךְ
יוֹסֵף אַחַר אֶחָיו וַיִּמְצָאֵם בְּדֹתָן׃ וַיִּרְאוּ אֹתוֹ מֵרָחֹק יח
וּבְטֶרֶם יִקְרַב אֲלֵיהֶם וַיִּתְנַכְּלוּ אֹתוֹ לַהֲמִיתוֹ׃ וַיֹּאמְרוּ יט
אִישׁ אֶל־אָחִיו הִנֵּה בַּעַל הַחֲלֹמוֹת הַלָּזֶה בָּא׃ וְעַתָּה ׀ כ
לְכוּ וְנַהַרְגֵהוּ וְנַשְׁלִכֵהוּ בְּאַחַד הַבֹּרוֹת וְאָמַרְנוּ חַיָּה רָעָה
אֲכָלָתְהוּ וְנִרְאֶה מַה־יִּהְיוּ חֲלֹמֹתָיו׃ וַיִּשְׁמַע רְאוּבֵן וַיַּצִּלֵהוּ כא
מִיָּדָם וַיֹּאמֶר לֹא נַכֶּנּוּ נָפֶשׁ׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם ׀ רְאוּבֵן אַל־ כב
תִּשְׁפְּכוּ־דָם הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ אֶל־הַבּוֹר הַזֶּה אֲשֶׁר בַּמִּדְבָּר
וְיָד אַל־תִּשְׁלְחוּ־בוֹ לְמַעַן הַצִּיל אֹתוֹ מִיָּדָם לַהֲשִׁיבוֹ
אֶל־אָבִיו׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־בָּא יוֹסֵף אֶל־אֶחָיו וַיַּפְשִׁיטוּ אֶת־ שלי'
יוֹסֵף אֶת־כֻּתָּנְתּוֹ אֶת־כְּתֹנֶת הַפַּסִּים אֲשֶׁר עָלָיו׃ וַיִּקָּחֻהוּ כד
וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ הַבֹּרָה וְהַבּוֹר רֵק אֵין בּוֹ מָיִם׃ וַיֵּשְׁבוּ כה
לֶאֱכָל־לֶחֶם וַיִּשְׂאוּ עֵינֵיהֶם וַיִּרְאוּ וְהִנֵּה אֹרְחַת יִשְׁמְעֵאלִים
בָּאָה מִגִּלְעָד וּגְמַלֵּיהֶם נֹשְׂאִים נְכֹאת וּצְרִי וָלֹט הוֹלְכִים
לְהוֹרִיד מִצְרָיְמָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוּדָה אֶל־אֶחָיו מַה־בֶּצַע כִּי כו
נַהֲרֹג אֶת־אָחִינוּ וְכִסִּינוּ אֶת־דָּמוֹ׃ לְכוּ וְנִמְכְּרֶנּוּ לַיִּשְׁמְעֵאלִים כז
וְיָדֵנוּ אַל־תְּהִי־בוֹ כִּי־אָחִינוּ בְשָׂרֵנוּ הוּא וַיִּשְׁמְעוּ אֶחָיו׃
וַיַּעַבְרוּ אֲנָשִׁים מִדְיָנִים סֹחֲרִים וַיִּמְשְׁכוּ וַיַּעֲלוּ אֶת־יוֹסֵף כח
מִן־הַבּוֹר וַיִּמְכְּרוּ אֶת־יוֹסֵף לַיִּשְׁמְעֵאלִים בְּעֶשְׂרִים כָּסֶף
וַיָּבִיאוּ אֶת־יוֹסֵף מִצְרָיְמָה׃ וַיָּשָׁב רְאוּבֵן אֶל־הַבּוֹר וְהִנֵּה כט
אֵין־יוֹסֵף בַּבּוֹר וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו׃ וַיָּשָׁב אֶל־אֶחָיו וַיֹּאמַר ל
הַיֶּלֶד אֵינֶנּוּ וַאֲנִי אָנָה אֲנִי־בָא׃ וַיִּקְחוּ אֶת־כְּתֹנֶת יוֹסֵף לא
וַיִּשְׁחֲטוּ שְׂעִיר עִזִּים וַיִּטְבְּלוּ אֶת־הַכֻּתֹּנֶת בַּדָּם׃ וַיְשַׁלְּחוּ לב
אֶת־כְּתֹנֶת הַפַּסִּים וַיָּבִיאוּ אֶל־אֲבִיהֶם וַיֹּאמְרוּ זֹאת מָצָאנוּ

צו אים געזאָגט: גיי אַקאָרשט זע אויב פריד איז צו דיינע ברידער, און פריד צו די שאָף, און ברענג מיר אָן ענטפער. און ער האָט אים אַוועקגעשיקט פון דעם טאָל פון חֶברון, און ער איז געקומען קיין שכֶם. [15] האָט אים געפונען אַ מאַן, ערשט ער בלאָנדזשעט אום אין פעלד; און דער מאַן האָט אים געפרעגט, אַזוי צו זאָגן: וואָס זוכסטו? [16] האָט ער געזאָגט: מיינע ברידער זוך איך; זאָג מיר, איך בעט דיך, וווּ פיטערן זיי? [17] האָט דער מאַן געזאָגט: זיי האָבן אַוועקגעצויגן פון דאַנען, וואָרום איך האָב געהערט ווי זיי זאָגן: לאָמיר גיין קיין דוֹתָן. איז יוסף געגאַנגען נאָך זיינע ברידער, און ער האָט זיי געפונען אין דוֹתָן.

[18] און ווי זיי האָבן אים דערזען פון ווייטן, און איידער נאָך ער האָט גענענט צו זיי, האָבן זיי זיך געקליגט קעגן אים, אים צו טייטן. [19] און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: אָן קומט דער דאָזיקער בעל־חלומות. [20] און אַצונד, קומט, און לאָמיר אים הרגען, און אים אַריינוואַרפן אין איינער פון די גריבער, און מיר וועלן זאָגן: אַ בייזע חיה האָט אים אויפגעגעסן; און מיר וועלן זען וואָס וועט ווערן פון זיינע חלומות.

[21] האָט ראובן דערהערט, און ער האָט אים געזוכט מציל צו זיין פון זייער האַנט, און האָט געזאָגט: לאָמיר אים ניט נעמען דאָס לעבן. [22] און ראובן האָט צו זיי געזאָגט: איר זאָלט ניט פאַרגיסן קיין בלוט; וואַרפט אים אַריין אין יענער גרוב וואָס אין מדבר, אָבער אַ האַנט זאָלט איר ניט אויסשטרעקן אויף אים—כּדי אים מציל צו זיין פון זייער האַנט, אים אומצוקערן צו זיין פאָטער.

[23] און עס איז געווען, ווי יוסף איז צוגעקומען צו זיינע ברידער, אַזוי האָבן זי אויסגעטאָן יוספן זיין העמדל, דאָס געשטרייפטע העמדל וואָס אויף אים. [24] און זיי האָבן אים גענומען, און האָבן אים אַריינגעוואָרפן אין דער גרוב. און די גרוב איז געווען ליידיק, קיין וואַסער איז אין איר ניט געווען.

[25] און זיי האָבן זיך געזעצט עסן ברויט. און זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן, און האָבן אַ קוק געטאָן, ערשט אַ קאַראַוואַן יִשמעאֵלים קומט אָן פון גִלעָד, און זייערע קעמלען טראָגן געווירץ און באַלזאַם און לאַדאַן וואָס זיי גייען אַראָפּנידערן קיין מִצרַיִם. [26] האָט יהודה געזאָגט צו זיינע ברידער: וואָס וועט אַרויסקומען, אַז מיר וועלן הרגען אונדזער ברודער, און מיר וועלן פאַרדעקן זיין בלוט? [27] קומט, און לאָמיר אים פאַרקויפן צו די יִשמעאֵלים, און אונדזער האַנט זאָל ניט זיין אויף אים; וואָרום אונדזער ברודער, אונדזער פלייש איז ער. און זיינע ברידער האָבן צוגעהערט. [28] און ווי די מִדיָנישע לייט, די סָוחרים, זיינען פאַרבייגעגאַנגען, אַזוי האָבן זיי אַרויסגעצויגן און אַרויפגעבראַכט יוספן פון דער גרוב, און זיי האָבן פאַרקויפט יוספן צו די יִשמעאֵלים פאַר צוואַנציק זילבערשטיק; און די האָבן אַוועקגעפירט יוספן קיין מִצרַיִם.

[29] און ראובן האָט זיך אומגעקערט צו דער גרוב, ערשט יוסף איז ניטאָ אין דער גרוב; האָט ער צעריסן זיינע קליידער. [30] און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיינע ברידער, און האָט געזאָגט: דער יִינגל איז ניטאָ, און איך, וווּ טו איך מיך אַהין?

[31] און זיי האָבן גענומען יוספס העמדל, און האָבן געשאָכטן אַ ציגנבאָק, און האָבן אַיינגעטונקט דאָס העמדל אין דעם בלוט. [32] און זיי האָבן אַוועקגעשיקט דאָס געשטרייפטע העמדל, און געלאָזט ברענגען צו זייער פאָטער, און געלאָזט

זאָגן: דאָס האָבן מיר געפֿונען; דערקען אַקאָרשט אויב דאָס איז דײַן זונס העמדל אָדער ניט. 33 האָט ער עס דערקענט, און ער האָט געזאָגט: מײַן זונס העמדל; אַ בייזע חיה האָט אים אויפֿגעגעסן, פֿאַרצוקן פֿאַרצוקט געוואָרן איז יוסף. 34 און יעקב האָט צעריסן זײַנע קליידער, און אָנגעטאָן זאַק אויף זײַנע לענדן, און ער האָט געטרויערט אויף זײַן זון פֿיל טעג. 35 און אַלע זײַנע זין און אַלע זײַנע טעכטער זײַנען אויפֿגעשטאַנען אים צו טרייסטן, אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט טרייסטן; און ער האָט געזאָגט: פֿאַרוואָר, אַן אָבל וועל איך נידערן צו מײַן זון אין קבר. און זײַן פֿאָטער האָט אים באַוויינט.

36 און די מִדְיָנִים האָבן אים פֿאַרקויפֿט אין מִצְרַיִם צו פּוֹטִיפַרן, אַ הויפֿדינער פֿון פַּרעהן, דעם אויבער־לײַבוועכטער.

לג הַכֶּר־נָא הַכְּתֹנֶת בִּנְךָ הִוא אִם־לֹא׃ וַיַּכִּירָהּ וַיֹּאמֶר
לד כְּתֹנֶת בְּנִי חַיָּה רָעָה אֲכָלָתְהוּ טָרֹף טֹרַף יוֹסֵף׃ וַיִּקְרַע
יַעֲקֹב שִׂמְלֹתָיו וַיָּשֶׂם שַׂק בְּמָתְנָיו וַיִּתְאַבֵּל עַל־בְּנוֹ יָמִים
לה רַבִּים׃ וַיָּקֻמוּ כָל־בָּנָיו וְכָל־בְּנֹתָיו לְנַחֲמוֹ וַיְמָאֵן לְהִתְנַחֵם
וַיֹּאמֶר כִּי־אֵרֵד אֶל־בְּנִי אָבֵל שְׁאֹלָה וַיֵּבְךְּ אֹתוֹ אָבִיו׃
לו וְהַמְּדָנִים מָכְרוּ אֹתוֹ אֶל־מִצְרָיִם לְפוֹטִיפַר סְרִיס פַּרְעֹה
שַׂר הַטַּבָּחִים׃ פ

## לח

רב׳ וַיְהִי בָּעֵת הַהִוא וַיֵּרֶד יְהוּדָה מֵאֵת אֶחָיו וַיֵּט עַד־אִישׁ
ב עֲדֻלָּמִי וּשְׁמוֹ חִירָה׃ וַיַּרְא־שָׁם יְהוּדָה בַּת־אִישׁ כְּנַעֲנִי
ג וּשְׁמוֹ שׁוּעַ וַיִּקָּחֶהָ וַיָּבֹא אֵלֶיהָ׃ וַתַּהַר וַתֵּלֶד בֵּן וַיִּקְרָא
ד אֶת־שְׁמוֹ עֵר׃ וַתַּהַר עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ אוֹנָן׃
ה וַתֹּסֶף עוֹד וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ שֵׁלָה וְהָיָה בִכְזִיב
ו בְּלִדְתָּהּ אֹתוֹ׃ וַיִּקַּח יְהוּדָה אִשָּׁה לְעֵר בְּכוֹרוֹ וּשְׁמָהּ
ז תָּמָר׃ וַיְהִי עֵר בְּכוֹר יְהוּדָה רַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיְמִתֵהוּ
ח יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוּדָה לְאוֹנָן בֹּא אֶל־אֵשֶׁת אָחִיךָ וְיַבֵּם
ט אֹתָהּ וְהָקֵם זֶרַע לְאָחִיךָ׃ וַיֵּדַע אוֹנָן כִּי לֹּא לוֹ יִהְיֶה
הַזָּרַע וְהָיָה אִם־בָּא אֶל־אֵשֶׁת אָחִיו וְשִׁחֵת אַרְצָה לְבִלְתִּי
י נְתָן־זֶרַע לְאָחִיו׃ וַיֵּרַע בְּעֵינֵי יְהוָה אֲשֶׁר עָשָׂה וַיָּמֶת גַּם־
יא אֹתוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוּדָה לְתָמָר כַּלָּתוֹ שְׁבִי אַלְמָנָה בֵית־
אָבִיךְ עַד־יִגְדַּל שֵׁלָה בְנִי כִּי אָמַר פֶּן־יָמוּת גַּם־הוּא
יב כְּאֶחָיו וַתֵּלֶךְ תָּמָר וַתֵּשֶׁב בֵּית אָבִיהָ׃ וַיִּרְבּוּ הַיָּמִים וַתָּמָת
בַּת־שׁוּעַ אֵשֶׁת־יְהוּדָה וַיִּנָּחֶם יְהוּדָה וַיַּעַל עַל־גֹּזְזֵי צֹאנוֹ
יג הוּא וְחִירָה רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי תִּמְנָתָה׃ וַיֻּגַּד לְתָמָר לֵאמֹר
יד הִנֵּה חָמִיךְ עֹלֶה תִמְנָתָה לָגֹז צֹאנוֹ׃ וַתָּסַר בִּגְדֵי אַלְמְנוּתָהּ
מֵעָלֶיהָ וַתְּכַס בַּצָּעִיף וַתִּתְעַלָּף וַתֵּשֶׁב בְּפֶתַח עֵינַיִם אֲשֶׁר
עַל־דֶּרֶךְ תִּמְנָתָה כִּי רָאֲתָה כִּי־גָדַל שֵׁלָה וְהִוא לֹא־נִתְּנָה
טו לוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיִּרְאֶהָ יְהוּדָה וַיַּחְשְׁבֶהָ לְזוֹנָה כִּי כִסְּתָה

**לח** 1 און עס איז געווען אין יענער צײַט, האָט יהודה אַראָפּגענידערט פֿון זײַנע ברידער, און ער האָט אײַנגעקערט צו אַ מאַן פֿון עֲדוּלָם, וואָס זײַן נאָמען איז געווען חִירָה. 2 און יהודה האָט דאָרטן געזען די טאָכטער פֿון אַ מאַן אַ כְּנַעֲנִי, וואָס זײַן נאָמען איז געווען שׁוּעַ, און ער האָט זי גענומען, און איז געקומען צו איר. 3 און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון; און ער האָט גערופֿן זײַן נאָמען עֵר. 4 און זי איז ווידער טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון; און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען אוֹנָן. 5 און זי האָט ווידער געבאָרן אַ זון; און זי האָט גערופֿן זײַן נאָמען שֵׁלָה. און ער איז געווען אין כְּזִיב, אַז זי האָט אים געבאָרן.

6 און יהודה האָט גענומען אַ ווײַב פֿאַר עֵר זײַן בְּכוֹר, וואָס איר נאָמען איז געווען תָּמָר. 7 און עֵר, יהודהס בְּכוֹר, איז געווען שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט, און גאָט האָט אים געטייט. 8 האָט יהודה געזאָגט צו אוֹנָנען: קום צו דײַן ברודערס ווײַב, און באַשוועגער זי, און שטעל אויף אַ זאָמען נאָך דײַן ברודער. 9 און אַזוי ווי אוֹנָן האָט געוווּסט אַז דער זאָמען וועט ניט געהערן צו אים, איז, אַז ער איז געקומען צו זײַן ברודערס ווײַב, האָט ער אויסגעבראַכט צו דער ערד, כּדי ניט צו געבן אַ זאָמען צו זײַן ברודער. 10 איז געווען שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט וואָס ער האָט געטאָן, און ער האָט אים אויך געטייט.

11 האָט יהודה געזאָגט צו זײַן שנור תָּמָרן: זיץ אַן אַלמנה אין דײַן פֿאָטערס הויז, ביז מײַן זון שֵׁלָה וועט אויפֿוואַקסן; וואָרום ער האָט געקלערט: טאָמער וועט ער אויך שטאַרבן אַזוי ווי זײַנע ברידער. איז תָּמָר אַוועקגעגאַנגען, און איז געזעסן אין איר פֿאָטערס הויז.

12 האָבן זיך געמערט די טעג, און שׁוּעַס טאָכטער, די ווײַב פֿון יהודהן, איז געשטאָרבן. און אַז יהודה האָט זיך געטרייסט, איז ער אַרויפֿגעגאַנגען צו די שערער פֿון זײַנע שאָף קיין תִּמְנָה, ער און זײַן גוטער פֿרײַנט חִירָה פֿון עֲדוּלָם.

13 איז אָנגעזאָגט געוואָרן תָּמָרן, אַזוי צו זאָגן: זע, דײַן שווער גייט אַרויף קיין תִּמְנָה, צו שערן זײַנע שאָף. 14 האָט זי אויסגעטאָן אירע אַלמנה־קליידער פֿון זיך, און האָט זיך פֿאַרדעקט מיט אַ שלייער, און זיך אײַנגעוויקלט, און זי האָט זיך געזעצט בײַם אײַנגאַנג פֿון עֵינַיִם, וואָס אויפֿן וועג קיין תִּמְנָה; וואָרום זי האָט געזען אַז שֵׁלָה איז אויפֿגעוואַקסן, און זי איז ניט געגעבן געוואָרן צו אים פֿאַר אַ ווײַב.

15 און יהודה האָט זי געזען, און ער האָט זי גערעכנט פֿאַר אַ זונה, ווײַל זי האָט פֿאַרדעקט איר

פָּנֶיהָ׃ וַיֵּט אֵלֶיהָ אֶל־הַדֶּרֶךְ וַיֹּאמֶר הָבָה נָּא אָבוֹא אֵלַיִךְ טז
כִּי לֹא יָדַע כִּי כַלָּתוֹ הִוא וַתֹּאמֶר מַה־תִּתֶּן־לִּי כִּי תָבוֹא
אֵלָי׃ וַיֹּאמֶר אָנֹכִי אֲשַׁלַּח גְּדִי־עִזִּים מִן־הַצֹּאן וַתֹּאמֶר יז
אִם־תִּתֵּן עֵרָבוֹן עַד שָׁלְחֶךָ׃ וַיֹּאמֶר מָה הָעֵרָבוֹן אֲשֶׁר יח
אֶתֶּן־לָּךְ וַתֹּאמֶר חֹתָמְךָ וּפְתִילֶךָ וּמַטְּךָ אֲשֶׁר בְּיָדֶךָ וַיִּתֶּן
לָהּ וַיָּבֹא אֵלֶיהָ וַתַּהַר לוֹ׃ וַתָּקָם וַתֵּלֶךְ וַתָּסַר צְעִיפָהּ יט
מֵעָלֶיהָ וַתִּלְבַּשׁ בִּגְדֵי אַלְמְנוּתָהּ׃ וַיִּשְׁלַח יְהוּדָה אֶת־גְּדִי כ
הָעִזִּים בְּיַד רֵעֵהוּ הָעֲדֻלָּמִי לָקַחַת הָעֵרָבוֹן מִיַּד הָאִשָּׁה
וְלֹא מְצָאָהּ׃ וַיִּשְׁאַל אֶת־אַנְשֵׁי מְקֹמָהּ לֵאמֹר אַיֵּה הַקְּדֵשָׁה כא
הִוא בָעֵינַיִם עַל־הַדָּרֶךְ וַיֹּאמְרוּ לֹא־הָיְתָה בָזֶה קְדֵשָׁה׃
וַיָּשָׁב אֶל־יְהוּדָה וַיֹּאמֶר לֹא מְצָאתִיהָ וְגַם אַנְשֵׁי הַמָּקוֹם כב
אָמְרוּ לֹא־הָיְתָה בָזֶה קְדֵשָׁה׃ וַיֹּאמֶר יְהוּדָה תִּקַּח־לָהּ כג
פֶּן נִהְיֶה לָבוּז הִנֵּה שָׁלַחְתִּי הַגְּדִי הַזֶּה וְאַתָּה לֹא מְצָאתָהּ׃
וַיְהִי ׀ כְּמִשְׁלֹשׁ חֳדָשִׁים וַיֻּגַּד לִיהוּדָה לֵאמֹר זָנְתָה תָּמָר כד
כַּלָּתֶךָ וְגַם הִנֵּה הָרָה לִזְנוּנִים וַיֹּאמֶר יְהוּדָה הוֹצִיאוּהָ
וְתִשָּׂרֵף׃ הִוא מוּצֵאת וְהִיא שָׁלְחָה אֶל־חָמִיהָ לֵאמֹר כה
לְאִישׁ אֲשֶׁר־אֵלֶּה לּוֹ אָנֹכִי הָרָה וַתֹּאמֶר הַכֶּר־נָא לְמִי
הַחֹתֶמֶת וְהַפְּתִילִים וְהַמַּטֶּה הָאֵלֶּה׃ וַיַּכֵּר יְהוּדָה וַיֹּאמֶר כו
צָדְקָה מִמֶּנִּי כִּי־עַל־כֵּן לֹא־נְתַתִּיהָ לְשֵׁלָה בְנִי וְלֹא־יָסַף
עוֹד לְדַעְתָּהּ׃ וַיְהִי בְּעֵת לִדְתָּהּ וְהִנֵּה תְאוֹמִים בְּבִטְנָהּ׃ כז
וַיְהִי בְלִדְתָּהּ וַיִּתֶּן־יָד וַתִּקַּח הַמְיַלֶּדֶת וַתִּקְשֹׁר עַל־יָדוֹ כח
שָׁנִי לֵאמֹר זֶה יָצָא רִאשֹׁנָה׃ וַיְהִי ׀ כְּמֵשִׁיב יָדוֹ וְהִנֵּה יָצָא כט
אָחִיו וַתֹּאמֶר מַה־פָּרַצְתָּ עָלֶיךָ פָּרֶץ וַיִּקְרָא שְׁמוֹ פָּרֶץ׃
וְאַחַר יָצָא אָחִיו אֲשֶׁר עַל־יָדוֹ הַשָּׁנִי וַיִּקְרָא שְׁמוֹ זָרַח׃ ס ל

## לט

וְיוֹסֵף הוּרַד מִצְרָיְמָה וַיִּקְנֵהוּ פּוֹטִיפַר סְרִיס פַּרְעֹה שַׂר חמ׳
הַטַּבָּחִים אִישׁ מִצְרִי מִיַּד הַיִּשְׁמְעֵאלִים אֲשֶׁר הוֹרִדֻהוּ
שָׁמָּה׃ וַיְהִי יְהוָה אֶת־יוֹסֵף וַיְהִי אִישׁ מַצְלִיחַ וַיְהִי בְּבֵית ב

פנים. 16 האָט ער פאַרקערט צו איר ביים וועג, און האָט געזאָגט: קום, איך בעט דיך, לאָמיך קומען צו דיר; וואָרום ער האָט ניט געוווּסט אַז זי איז זיין שנור. האָט זי געזאָגט: וואָס וועסטו מיר געבן, אַז דו וועסט קומען צו מיר? 17 האָט ער געזאָגט: איך וועל שיקן אַ ציגנבעקל פון די שאָף. האָט זי געזאָגט: סיידן וועסט מיר געבן אַ משכון ביז דו שיקסט. 18 האָט ער געזאָגט: וואָס פאַר אַ משכון זאָל איך דיר געבן? האָט זי געזאָגט: דיין זיגלרינג, און דיין שנור, און דיין שטעקן וואָס אין דיין האַנט. האָט ער עס איר געגעבן, און ער איז צו איר געקומען, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן פון אים. 19 און זי איז אויפגע־שטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען, און זי האָט אויסגעטאָן פון זיך איר שלייער, און האָט אָנגעטאָן אירע אַלמנה־קליידער.

20 און יהודה האָט געשיקט דאָס ציגנבעקל דורך דער האַנט פון זיין גוטן פריינט פון עֲדוּלָם, כּדי אָפּצו־נעמען דעם משכון פון דער פרויס האַנט; אָבער ער האָט זי ניט געפונען. 21 האָט ער געפרעגט די מענטשן פון איר אָרט, אַזוי צו זאָגן: ווו איז די זונה וואָס איז געווען אין עֵינַיִם ביים וועג? האָבן זיי געזאָגט: דאָ איז ניט געווען קיין זונה. 22 האָט ער זיך אומגעקערט צו יהודהן, און האָט געזאָגט: איך האָב זי ניט געפונען. און אויך די מענטשן פון דעם אָרט האָבן געזאָגט: דאָ איז ניט געווען קיין זונה. 23 האָט יהודה געזאָגט: זאָל זי עס האַלטן פאַר זיך, כּדי מיר זאָלן ניט ווערן צו שפּאָט; איך האָב דאָך געשיקט דאָסדאָזיקע ציקעלע, און דו האָסט זי ניט געפונען.

24 און עס איז געווען אין אַרום דריי חדשים, איז אָנגעזאָגט געוואָרן יהודהן, אַזוי צו זאָגן: דיין שנור תָּמָר האָט מזנה געווען, און אָט איז זי אויך טראָגעדיק פון זנות. האָט יהודה געזאָגט: פירט זי אַרויס, און זאָל זי פאַר־ברענט ווערן.

25 ווי זי איז אַרויסגעפירט געוואָרן, אַזוי האָט זי געשיקט זאָגן צו איר שווער: פון דעם מאַן וואָס דידאָזיקע גע־הערן צו אים, בין איך טראָגעדיק. און זי האָט געזאָגט: דערקען אַקאָרשט וועמעס איז דערדאָזיקער זיגלרינג, און די שנורן, און דער שטעקן? 26 האָט יהודה דערקענט, און ער האָט געזאָגט: זי איז גערעכטער פון מיר, דערפאַר ווייל איך האָב זי ניט געגעבן צו מיין זון שֵׁלָהן. אָבער ער האָט מער ווידער ניט פאַרקערט מיט איר.

27 און עס איז געווען אין דער צייט פון איר געבערן, ערשט אַ צווילינג איז אין איר לייב. 28 און עס איז געווען, אַז זי האָט געבאָרן, האָט איינער אַרויסגעשטעקט זיין האַנט, און די הייבין האָט גענומען און האָט אָנגעבונדן אָן זיין האַנט אַ רויטן פאָדים, אַזוי צו זאָגן: דערדאָזיקער איז אַרויסגעקומען צוערשט. 29 און עס איז געווען, ווי ער ציט צוריק זיין האַנט, ערשט זיין ברודער איז אַרויסגעקומען; האָט זי געזאָגט: וואָס האָסטו זיך געריסן מיט אַזאַ רייסענישא? און מע האָט גערופן זיין נאָמען פֶּרֶץ. 30 און דערנאָך איז אַרויסגעקומען זיין ברודער, וואָס אויף זיין האַנט איז געווען דער רויטער פאָדים; און מע האָט גערופן זיין נאָמען זֶרַחב.

## לט

1 און יוסף איז אַראָפּגענידערט געוואָרן קיין מִצרַיִם, און פּוֹטִיפַר, אַ הויפדינער פון פַּרעהן, דער אויבערלײַבוועכ־טער, אַ מִצרישער מאַן, האָט אים אָפּגעקויפט פון דער האַנט פון די יִשמעאֵלים וואָס האָבן אים אַהין אַראָפּ־גענידערט. 2 און גאָט איז געווען מיט יוספן, און ער איז געווען אַ באַגליקטער מענטש; און ער איז געווען אין הויז פון

[א] פֶּרֶץ. [ב] זונאויפגאַנג, רויטקייט.

ג אֲדֹנָיו הַמִּצְרִי׃ וַיַּרְא אֲדֹנָיו כִּי יְהוָה אִתּוֹ וְכֹל אֲשֶׁר־
ד הוּא עֹשֶׂה יְהוָה מַצְלִיחַ בְּיָדוֹ׃ וַיִּמְצָא יוֹסֵף חֵן בְּעֵינָיו
וַיְשָׁרֶת אֹתוֹ וַיַּפְקִדֵהוּ עַל־בֵּיתוֹ וְכָל־יֶשׁ־לוֹ נָתַן בְּיָדוֹ׃
ה וַיְהִי מֵאָז הִפְקִיד אֹתוֹ בְּבֵיתוֹ וְעַל כָּל־אֲשֶׁר יֶשׁ־לוֹ וַיְבָרֶךְ
יְהוָה אֶת־בֵּית הַמִּצְרִי בִּגְלַל יוֹסֵף וַיְהִי בִּרְכַּת יְהוָה
ו בְּכָל־אֲשֶׁר יֶשׁ־לוֹ בַּבַּיִת וּבַשָּׂדֶה׃ וַיַּעֲזֹב כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ בְּיַד
יוֹסֵף וְלֹא־יָדַע אִתּוֹ מְאוּמָה כִּי אִם־הַלֶּחֶם אֲשֶׁר־הוּא
ששי אוֹכֵל וַיְהִי יוֹסֵף יְפֵה־תֹאַר וִיפֵה מַרְאֶה׃ וַיְהִי אַחַר
הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַתִּשָּׂא אֵשֶׁת־אֲדֹנָיו אֶת־עֵינֶיהָ אֶל־יוֹסֵף
ח וַתֹּאמֶר שִׁכְבָה עִמִּי׃ וַיְמָאֵן וַיֹּאמֶר אֶל־אֵשֶׁת אֲדֹנָיו הֵן
אֲדֹנִי לֹא־יָדַע אִתִּי מַה־בַּבָּיִת וְכֹל אֲשֶׁר־יֶשׁ־לוֹ נָתַן בְּיָדִי׃
ט אֵינֶנּוּ גָדוֹל בַּבַּיִת הַזֶּה מִמֶּנִּי וְלֹא־חָשַׂךְ מִמֶּנִּי מְאוּמָה
כִּי אִם־אוֹתָךְ בַּאֲשֶׁר אַתְּ־אִשְׁתּוֹ וְאֵיךְ אֶעֱשֶׂה הָרָעָה הַגְּדֹלָה
י הַזֹּאת וְחָטָאתִי לֵאלֹהִים׃ וַיְהִי כְּדַבְּרָהּ אֶל־יוֹסֵף יוֹם ׀ יוֹם
יא וְלֹא־שָׁמַע אֵלֶיהָ לִשְׁכַּב אֶצְלָהּ לִהְיוֹת עִמָּהּ׃ וַיְהִי כְּהַיּוֹם
הַזֶּה וַיָּבֹא הַבַּיְתָה לַעֲשׂוֹת מְלַאכְתּוֹ וְאֵין אִישׁ מֵאַנְשֵׁי
יב הַבַּיִת שָׁם בַּבָּיִת׃ וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ לֵאמֹר שִׁכְבָה עִמִּי
יג וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ וַיָּנָס וַיֵּצֵא הַחוּצָה׃ וַיְהִי כִּרְאוֹתָהּ
יד כִּי־עָזַב בִּגְדוֹ בְּיָדָהּ וַיָּנָס הַחוּצָה׃ וַתִּקְרָא לְאַנְשֵׁי בֵיתָהּ
וַתֹּאמֶר לָהֶם לֵאמֹר רְאוּ הֵבִיא לָנוּ אִישׁ עִבְרִי לְצַחֶק
טו בָּנוּ בָּא אֵלַי לִשְׁכַּב עִמִּי וָאֶקְרָא בְּקוֹל גָּדוֹל׃ וַיְהִי כְשָׁמְעוֹ
כִּי־הֲרִימֹתִי קוֹלִי וָאֶקְרָא וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ אֶצְלִי וַיָּנָס וַיֵּצֵא
טז הַחוּצָה׃ וַתַּנַּח בִּגְדוֹ אֶצְלָהּ עַד־בּוֹא אֲדֹנָיו אֶל־בֵּיתוֹ׃
יז וַתְּדַבֵּר אֵלָיו כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה לֵאמֹר בָּא אֵלַי הָעֶבֶד
יח הָעִבְרִי אֲשֶׁר־הֵבֵאתָ לָּנוּ לְצַחֶק בִּי׃ וַיְהִי כַּהֲרִימִי קוֹלִי
יט וָאֶקְרָא וַיַּעֲזֹב בִּגְדוֹ אֶצְלִי וַיָּנָס הַחוּצָה׃ וַיְהִי כִשְׁמֹעַ
אֲדֹנָיו אֶת־דִּבְרֵי אִשְׁתּוֹ אֲשֶׁר דִּבְּרָה אֵלָיו לֵאמֹר כַּדְּבָרִים
כ הָאֵלֶּה עָשָׂה לִי עַבְדֶּךָ וַיִּחַר אַפּוֹ׃ וַיִּקַּח אֲדֹנֵי יוֹסֵף אֹתוֹ

זיין האַר דעם מִצרי. 3 און זיין האַר האָט געזען, אַז גאָט איז מיט אים, און אַלץ וואָס ער טוט, באַגליקט גאָט אין זיין האַנט; 4 האָט יוסף געפונען חן אין זיינע אויגן, און ער האָט אים באַדינט. און ער האָט אים אויפגעזעצט איבער זיין הויז, און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער איבערגעגעבן אין זיין האַנט. 5 און עס איז געווען, פון זינט ער האָט אים אויפגעזעצט איבער זיין הויז, און איבער אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, האָט גאָט געבענטשט דעם מִצריס הויז פון יוספס וועגן, און אַ ברכה פון גאָט איז געווען אויף אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין הויז און אין פעלד. 6 האָט ער איבערגעלאָזן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין יוספס האַנט, און ער האָט לעבן אים ניט גע־ווּוּסט פון קיין זאַך, אַחוץ דעם ברויט וואָס ער האָט געגעסן. און יוסף איז געווען שיין אויפן געשטאַלט, און שיין אויפן פּנים.

7 און עס איז געווען נאָך די דאָזיקע געשעענישן, האָט זיין האַרס ווייב אויפגעהויבן אירע אויגן אויף יוספן, און זי האָט געזאָגט: ליג מיט מיר. 8 האָט ער ניט געוואָלט, און ער האָט געזאָגט צו זיין האַרס ווייב: זע, מיין האַר ווייס ניט לעבן מיר וואָס אין הויז טוט זיך, און אַלץ וואָס ער האָט, האָט ער איבערגעגעבן אין מיין האַנט. 9 ער איז אין דעם דאָזיקן הויז ניט גרעסער פון מיר, און ער האָט ניט פאַרמיטן פון מיר קיין זאַך, נאָר בלויז דיך, ווייל דו ביסט זיין ווייב. היינט ווי קען איך טאָן דאָס דאָזיקע גרויסע בייז, און זינדיקן צו גאָט?

10 און עס איז געווען, אַז זי האָט גערעדט צו יוספן טאָג פאַר טאָג, און ער האָט ניט צוגעהערט צו איר, צו ליגן מיט איר, צו זיין מיט איר, 11 איז, איין טאָג ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז צו טאָן זיין אַרבעט, און קיין מענטש פון די הויזלייט איז דאָרטן ניט געווען אין הויז, 12 האָט זי אים אָנגעכאַפּט פאַר זיין קלייד, אַזוי צו זאָגן: ליג מיט מיר. האָט ער איבערגעלאָזן זיין קלייד אין איר האַנט, און איז אַנטלאָפן און אַרויס דרויסן. 13 און עס איז געווען, ווי זי האָט געזען, אַז ער האָט איבערגעלאָזן זיין קלייד אין איר האַנט, און איז אַנטלאָפן דרויסן, 14 אַזוי האָט זי גערופן צו אירע הויזלייט, און האָט צו זיי געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זעט, מע האָט אונדז געבראַכט אַ מאַן אַ עִבֿרי, צו מאַכן גע־שפּעט פון אונדז; ער איז געקומען צו מיר צו ליגן מיט מיר, און איך האָב גערופן אויף אַ הויכן קול. 15 איז, ווי ער האָט געהערט, אַז איך האָב אויפגעהויבן מיין קָול און האָב גערופן, אַזוי האָט ער איבערגעלאָזן זיין קלייד ביי מיר, און איז אַנטלאָפן און אַרויס דרויסן.

16 און זי האָט אַוועקגעלייגט זיין קלייד ביי זיך, ביז זיין האַר איז געקומען אַהיים. 17 און זי האָט גערעדט צו אים אַזוי ווי די דאָזיקע ווערטער, אַזוי צו זאָגן: דער קנעכט דער עִבֿרי וואָס דו האָסט אונדז געבראַכט, איז געקומען צו מיר צו מאַכן געשפּעט פון מיר. 18 און עס איז געווען, ווי איך האָב אויפגעהויבן מיין קָול און האָב גערופן, אַזוי האָט ער איבערגעלאָזן זיין קלייד ביי מיר, און איז אַנטלאָפן דרויסן.

19 און עס איז געווען, ווי זיין האַר האָט געהערט די ווערטער פון זיין ווייב, וואָס זי האָט צו אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אַזעלכע זאַכן האָט געטאָן צו מיר דיין קנעכט, האָט זיין צאָרן געגרימט. 20 און יוספס האַר האָט אים גענומען,

וַיִּתְּנֵהוּ אֶל־בֵּית הַסֹּהַר מְקוֹם אֲשֶׁר־אֲסוּרֵי הַמֶּלֶךְ אֲסוּרִים
וַיְהִי־שָׁם בְּבֵית הַסֹּהַר׃ וַיְהִי יְהוָה אֶת־יוֹסֵף וַיֵּט אֵלָיו כא
חָסֶד וַיִּתֵּן חִנּוֹ בְּעֵינֵי שַׂר בֵּית־הַסֹּהַר׃ וַיִּתֵּן שַׂר בֵּית־ כב
הַסֹּהַר בְּיַד־יוֹסֵף אֵת כָּל־הָאֲסִירִם אֲשֶׁר בְּבֵית הַסֹּהַר
וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר עֹשִׂים שָׁם הוּא הָיָה עֹשֶׂה׃ אֵין ׀ שַׂר בֵּית־ כג
הַסֹּהַר רֹאֶה אֶת־כָּל־מְאוּמָה בְּיָדוֹ בַּאֲשֶׁר יְהוָה אִתּוֹ
וַאֲשֶׁר־הוּא עֹשֶׂה יְהוָה מַצְלִיחַ׃ פ

מ

וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה חָטְאוּ מַשְׁקֵה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם שב׳
וְהָאֹפֶה לַאֲדֹנֵיהֶם לְמֶלֶךְ מִצְרָיִם׃ וַיִּקְצֹף פַּרְעֹה עַל שְׁנֵי ב
סָרִיסָיו עַל שַׂר הַמַּשְׁקִים וְעַל שַׂר הָאוֹפִים׃ וַיִּתֵּן אֹתָם ג
בְּמִשְׁמַר בֵּית שַׂר הַטַּבָּחִים אֶל־בֵּית הַסֹּהַר מְקוֹם אֲשֶׁר
יוֹסֵף אָסוּר שָׁם׃ וַיִּפְקֹד שַׂר הַטַּבָּחִים אֶת־יוֹסֵף אִתָּם ד
וַיְשָׁרֶת אֹתָם וַיִּהְיוּ יָמִים בְּמִשְׁמָר׃ וַיַּחַלְמוּ חֲלוֹם שְׁנֵיהֶם ה
אִישׁ חֲלֹמוֹ בְּלַיְלָה אֶחָד אִישׁ כְּפִתְרוֹן חֲלֹמוֹ הַמַּשְׁקֶה
וְהָאֹפֶה אֲשֶׁר לְמֶלֶךְ מִצְרַיִם אֲשֶׁר אֲסוּרִים בְּבֵית הַסֹּהַר׃
וַיָּבֹא אֲלֵיהֶם יוֹסֵף בַּבֹּקֶר וַיַּרְא אֹתָם וְהִנָּם זֹעֲפִים׃ ו
וַיִּשְׁאַל אֶת־סְרִיסֵי פַרְעֹה אֲשֶׁר אִתּוֹ בְמִשְׁמַר בֵּית אֲדֹנָיו ז
לֵאמֹר מַדּוּעַ פְּנֵיכֶם רָעִים הַיּוֹם׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו חֲלוֹם ח
חָלַמְנוּ וּפֹתֵר אֵין אֹתוֹ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יוֹסֵף הֲלוֹא לֵאלֹהִים
פִּתְרֹנִים סַפְּרוּ־נָא לִי׃ וַיְסַפֵּר שַׂר־הַמַּשְׁקִים אֶת־חֲלֹמוֹ ט
לְיוֹסֵף וַיֹּאמֶר לוֹ בַּחֲלוֹמִי וְהִנֵּה־גֶפֶן לְפָנָי׃ וּבַגֶּפֶן שְׁלֹשָׁה
שָׂרִיגִם וְהִוא כְפֹרַחַת עָלְתָה נִצָּהּ הִבְשִׁילוּ אַשְׁכְּלֹתֶיהָ
עֲנָבִים׃ וְכוֹס פַּרְעֹה בְּיָדִי וָאֶקַּח אֶת־הָעֲנָבִים וָאֶשְׂחַט יא
אֹתָם אֶל־כּוֹס פַּרְעֹה וָאֶתֵּן אֶת־הַכּוֹס עַל־כַּף פַּרְעֹה׃
וַיֹּאמֶר לוֹ יוֹסֵף זֶה פִּתְרֹנוֹ שְׁלֹשֶׁת הַשָּׂרִגִים שְׁלֹשֶׁת יָמִים יב
הֵם׃ בְּעוֹד ׀ שְׁלֹשֶׁת יָמִים יִשָּׂא פַרְעֹה אֶת־רֹאשֶׁךָ וַהֲשִׁיבְךָ יג

לט,כ׳ אסירי ק

און האָט אים אַריינגעזעצט אין געפענקעניש, אין דעם
אָרט ווו דעם מלכס געפאַנגענע זיינען אַיינגעשפאַרט; און
ער איז דאָרטן געווען אין געפענקעניש.

21 און גאָט איז געווען מיט יוספן, און ער האָט גענייגט
צו אים גענאָד, און אים געגעבן חן אין די אויגן פון דעם
האַר פון געפענקעניש. 22 און דער האַר פון געפענקעניש
האָט איבערגעגעבן אויף דער האַנט פון יוספן אַלע גע־
פאַנגענע וואָס אין געפענקעניש; און אַלץ וואָס מע האָט
דאָרטן געטאָן, האָט ער אויפגעטאָן. 23 דער האַר פון
געפענקעניש האָט ניט נאָכגעקוקט קיין שום זאַך אונטער
זיין האַנט, ווייל גאָט איז געווען מיט אים, און וואָס ער
האָט געטאָן, האָט גאָט באַגליקט.

מ 1 און עס איז געווען נאָך דידאָזיקע געשעענישן, האָט
דער טראַנקמייסטער פון דעם מלך פון מִצרַיִם,
און דער בעקער, זיך פאַרזינדיקט אַקעגן זייער האַר,
דעם מלך פון מִצרַיִם. 2 און פַּרעה האָט געצערנט אויף
זיינע צוויי הויפדינער, אויף דעם אויבערטראַנקמייסטער
און אויף דעם אויבערבעקער. 3 און ער האָט זיי אַריינ־
געזעצט אין דער וואַך פון דעם אויבערלייבוועכטערס
הויז, אין געפענקעניש, אין דעם אָרט וואָס יוסף איז דאָרטן
געווען אַיינגעשפאַרט. 4 און דער אויבערלייבוועכטער
האָט געשטעלט יוספן לעבן זיי, און ער האָט זיי באַדינט;
און זיי זיינען געווען אַ צייט אין וואַך.

5 האָט זיך ביידן געחלומט אַ חלום אין איין נאַכט, איטלעכן זיין חלום, איטלעכן לויט דעם פּיתרון פון זיין חלום—
דעם טראַנקמייסטער און דעם בעקער פון דעם מלך פון מִצרַיִם, וואָס זיינען געווען אַיינגעשפאַרט אין געפענקעניש.
6 און יוסף איז געקומען צו זיי אין דער פרי, און האָט זיי אָנגעקוקט, ערשט זיי זיינען צעטראָגן. 7 האָט ער געפרעגט די
הויפדינער פון פַּרעהן וואָס מיט אים אין דער וואַך פון זיין האַרס הויז, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס זיינען אַייערע פּנימער
היינט פאַרערגערט? 8 האָבן זיי צו אים געזאָגט: אונדז האָט זיך געחלומט אַ חלום, און ניטאָ ווער זאָל אים פּותר זיין.
האָט יוסף צו זיי געזאָגט: פּיתרונים זיינען דאָך פון גאָט; דערציילט מיר, איך בעט אַייך.

9 האָט דער אויבערטראַנקמייסטער דערציילט זיין חלום צו יוספן, און ער האָט צו אים געזאָגט: מיר חלומט זיך,
ערשט פאַר מיר איז אַ ווייַנשטאָק. 10 און אויפן ווייַנשטאָק דריי צווייגן; און ווי ער בליט, איז אויפגעגאַנגען זיין בליעכץ,
האָבן זיינע הענגלעך געצייטיקט ווייַנטרויבן. 11 און פַּרעהס בעכער איז געווען אין מיין האַנט; האָב איך גענומען די ווייַנ־
טרויבן, און האָב זיי אויסגעקוועטשט אין פַּרעהס בעכער, און דערלאַנגט דעם בעכער אין פַּרעהס האַנט.

12 האָט יוסף צו אים געזאָגט: דאָס איז דער פּיתרון דערפון: די דריי צווייגן דאָס זיינען דריי טעג.
13 אין דריי טעג אַרום וועט פַּרעה אויפנעמען דיין קאָפּ, און וועט דיך אומקערן אויף דיין שטאַנד, און

וועסט דערלאַנגען פּרעהס בעכער אין זיין האַנט, לויטן פריערדיקן שטייגער, ווען דו ביסט געווען זיין טראַנקמייסטער. 14 אָבער זאָלסט מיך געדענקען ביי זיך, אַז דיר וועט גוט זיין, און זאָלסט טאָן, איך בעט דיך, אַ חסד מיט מיר, און מיך דערמאָנען פאַר פּרעהן, און מיך אַרויסציען פון דעמדאָזיקן הויז. 15 וואָרום געגנבעט בין איך געגנבעט געוואָרן פון לאַנד פון די עבֿרים; און דאָ אויך האָב איך קיין זאַך ניט געטאָן, וואָס מע האָט מיך אַריינגעזעצט אין תּפיסה.

16 האָט דער אויבערבעקער געזען אַז ער האָט צום גוטן פּותר געווען, און ער האָט געזאָגט צו יוספֿן: מיר אויך האָט זיך געחלומט, ערשט דריי געפלאָכטענע קערב זיינען אויף מיין קאָפּ; 17 און אין דעם אויבערשטן קאָרב איז פון אַלערליי עסנוואַרג פאַר פּרעהן, געבעקזאַכן, און די פֿויגלען עסן זיי פון דעם קאָרב איבער מיין קאָפּ.

18 האָט יוסף געענטפערט און האָט געזאָגט: דאָס איז דער פּיתרון דערפון: די דריי קערב דאָס זיינען דריי טעג. 19 אין דריי טעג אַרום וועט פּרעה אַראָפּנעמען דיין קאָפּ פון דיר, און וועט דיך אויפהענגען אויף אַ בוים, און די פֿויגלען וועלן עסן דיין פלייש פון דיר.

20 און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, אין פּרעהס געבורטסטאָג, האָט ער געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר אַלע זיינע קנעכט, און האָט אויפגענומען דעם קאָפּ פון דעם אויבערטראַנקמייסטער, און דעם קאָפּ פון דעם אויבערבעקער, צווישן זיינע קנעכט. 21 און ער האָט אומגעקערט דעם אויבערטראַנקמייסטער צו זיין טראַנקמייסטערשאַפֿט; און ער האָט דערלאַנגט דעם בעכער אין פּרעהס האַנט. 22 און דעם אויבערבעקער האָט ער אויפגעהאַנגען, אַזוי ווי יוסף האָט זיי פּותר געווען. 23 אָבער דער אויבערטראַנקמייסטער האָט ניט געדאַכט אָן יוספֿן, און האָט אים פאַרגעסן.

עַל־כַּנֶּךָ וְנָתַתָּ כוֹס־פַּרְעֹה בְּיָדוֹ כַּמִּשְׁפָּט הָרִאשׁוֹן אֲשֶׁר
יד הָיִיתָ מַשְׁקֵהוּ׃ כִּי אִם־זְכַרְתַּנִי אִתְּךָ כַּאֲשֶׁר יִיטַב לָךְ
וְעָשִׂיתָ־נָּא עִמָּדִי חָסֶד וְהִזְכַּרְתַּנִי אֶל־פַּרְעֹה וְהוֹצֵאתַנִי
טו מִן־הַבַּיִת הַזֶּה׃ כִּי־גֻנֹּב גֻּנַּבְתִּי מֵאֶרֶץ הָעִבְרִים וְגַם־פֹּה
טז לֹא־עָשִׂיתִי מְאוּמָה כִּי־שָׂמוּ אֹתִי בַּבּוֹר׃ וַיַּרְא שַׂר־הָאֹפִים
כִּי טוֹב פָּתָר וַיֹּאמֶר אֶל־יוֹסֵף אַף־אֲנִי בַּחֲלוֹמִי וְהִנֵּה
יז שְׁלֹשָׁה סַלֵּי חֹרִי עַל־רֹאשִׁי׃ וּבַסַּל הָעֶלְיוֹן מִכֹּל מַאֲכַל
פַּרְעֹה מַעֲשֵׂה אֹפֶה וְהָעוֹף אֹכֵל אֹתָם מִן־הַסַּל מֵעַל
יח רֹאשִׁי׃ וַיַּעַן יוֹסֵף וַיֹּאמֶר זֶה פִּתְרֹנוֹ שְׁלֹשֶׁת הַסַּלִּים
יט שְׁלֹשֶׁת יָמִים הֵם׃ בְּעוֹד ׀ שְׁלֹשֶׁת יָמִים יִשָּׂא פַרְעֹה אֶת־
רֹאשְׁךָ מֵעָלֶיךָ וְתָלָה אוֹתְךָ עַל־עֵץ וְאָכַל הָעוֹף אֶת־
מפ׳ בְּשָׂרְךָ מֵעָלֶיךָ׃ וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי יוֹם הֻלֶּדֶת אֶת־
פַּרְעֹה וַיַּעַשׂ מִשְׁתֶּה לְכָל־עֲבָדָיו וַיִּשָּׂא אֶת־רֹאשׁ ׀ שַׂר
כא הַמַּשְׁקִים וְאֶת־רֹאשׁ שַׂר הָאֹפִים בְּתוֹךְ עֲבָדָיו׃ וַיָּשֶׁב
אֶת־שַׂר הַמַּשְׁקִים עַל־מַשְׁקֵהוּ וַיִּתֵּן הַכּוֹס עַל־כַּף פַּרְעֹה׃
כב כג וְאֵת שַׂר הָאֹפִים תָּלָה כַּאֲשֶׁר פָּתַר לָהֶם יוֹסֵף׃ וְלֹא־זָכַר
שַׂר־הַמַּשְׁקִים אֶת־יוֹסֵף וַיִּשְׁכָּחֵהוּ׃ פ

# מקץ

## מא

מא 1 און עס איז געווען צום סוף פון צוויי יאָר צייט, האָט זיך פּרעהן געחלומט, ערשט ער שטייט ביים טייך. 2 און אָט גייען אַרויף פון טייך זיבן קי, שיין אויפן אויסזען און פעט אויפן לייב; און זיי האָבן זיך געפּיטערט אין דעם טייכגראָז. 3 און אָט גייען אַרויף נאָך זיי פון טייך זיבן אַנדערע קי, מיאוס אויפן אויסזען, און מאָגער אויפן לייב; און זיי האָבן זיך געשטעלט לעבן יענע קי ביים ברעג טייך. 4 און די מיאוסע אויפן אויסזען און מאָגערלייביקע קי האָבן אויפגעגעסן די זיבן שיינע אויפן אויסזען און פעטע קי. און פּרעה האָט זיך אויפגעכאַפּט.

5 און ער איז אַיינגעשלאָפן, און אים האָט זיך געחלומט אַ צווייט מאָל, ערשט זיבן זאַנגען גייען־אויף אויף איין שטענגל

א וַיְהִי מִקֵּץ שְׁנָתַיִם יָמִים וּפַרְעֹה חֹלֵם וְהִנֵּה עֹמֵד עַל־
ב הַיְאֹר׃ וְהִנֵּה מִן־הַיְאֹר עֹלֹת שֶׁבַע פָּרוֹת יְפוֹת מַרְאֶה
ג וּבְרִיאֹת בָּשָׂר וַתִּרְעֶינָה בָּאָחוּ׃ וְהִנֵּה שֶׁבַע פָּרוֹת אֲחֵרוֹת
עֹלוֹת אַחֲרֵיהֶן מִן־הַיְאֹר רָעוֹת מַרְאֶה וְדַקּוֹת בָּשָׂר
ד וַתַּעֲמֹדְנָה אֵצֶל הַפָּרוֹת עַל־שְׂפַת הַיְאֹר׃ וַתֹּאכַלְנָה הַפָּרוֹת
רָעוֹת הַמַּרְאֶה וְדַקֹּת הַבָּשָׂר אֵת שֶׁבַע הַפָּרוֹת יְפֹת
ה הַמַּרְאֶה וְהַבְּרִיאֹת וַיִּיקַץ פַּרְעֹה׃ וַיִּישָׁן וַיַּחֲלֹם שֵׁנִית
וְהִנֵּה ׀ שֶׁבַע שִׁבֳּלִים עֹלוֹת בְּקָנֶה אֶחָד בְּרִיאוֹת וְטֹבוֹת׃

מ,טו׳ מלרע   מא,ה׳ קמץ בז״ק

ו וְהִנֵּה שֶׁבַע שִׁבֳּלִים דַּקּוֹת וּשְׁדוּפֹת קָדִים צֹמְחוֹת אַחֲרֵיהֶן׃
ז וַתִּבְלַעְנָה הַשִּׁבֳּלִים הַדַּקּוֹת אֵת שֶׁבַע הַשִּׁבֳּלִים הַבְּרִיאוֹת
ח וְהַמְּלֵאוֹת וַיִּיקַץ פַּרְעֹה וְהִנֵּה חֲלוֹם׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר וַתִּפָּעֶם
רוּחוֹ וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא אֶת־כָּל־חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם וְאֶת־כָּל־
חֲכָמֶיהָ וַיְסַפֵּר פַּרְעֹה לָהֶם אֶת־חֲלֹמוֹ וְאֵין־פּוֹתֵר אוֹתָם
ט לְפַרְעֹה׃ וַיְדַבֵּר שַׂר הַמַּשְׁקִים אֶת־פַּרְעֹה לֵאמֹר אֶת־
י חֲטָאַי אֲנִי מַזְכִּיר הַיּוֹם׃ פַּרְעֹה קָצַף עַל־עֲבָדָיו וַיִּתֵּן אֹתִי
בְּמִשְׁמַר בֵּית שַׂר הַטַּבָּחִים אֹתִי וְאֵת שַׂר הָאֹפִים׃
יא וַנַּחַלְמָה חֲלוֹם בְּלַיְלָה אֶחָד אֲנִי וָהוּא אִישׁ כְּפִתְרוֹן
יב חֲלֹמוֹ חָלָמְנוּ׃ וְשָׁם אִתָּנוּ נַעַר עִבְרִי עֶבֶד לְשַׂר הַטַּבָּחִים
וַנְּסַפֶּר־לוֹ וַיִּפְתָּר־לָנוּ אֶת־חֲלֹמֹתֵינוּ אִישׁ כַּחֲלֹמוֹ פָּתָר׃
יג וַיְהִי כַּאֲשֶׁר פָּתַר־לָנוּ כֵּן הָיָה אֹתִי הֵשִׁיב עַל־כַּנִּי וְאֹתוֹ
יד תָלָה׃ וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה וַיִּקְרָא אֶת־יוֹסֵף וַיְרִיצֻהוּ מִן־הַבּוֹר
שני וַיְגַלַּח וַיְחַלֵּף שִׂמְלֹתָיו וַיָּבֹא אֶל־פַּרְעֹה׃ וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה
אֶל־יוֹסֵף חֲלוֹם חָלַמְתִּי וּפֹתֵר אֵין אֹתוֹ וַאֲנִי שָׁמַעְתִּי
טז עָלֶיךָ לֵאמֹר תִּשְׁמַע חֲלוֹם לִפְתֹּר אֹתוֹ׃ וַיַּעַן יוֹסֵף אֶת־
פַּרְעֹה לֵאמֹר בִּלְעָדָי אֱלֹהִים יַעֲנֶה אֶת־שְׁלוֹם פַּרְעֹה׃
יז וַיְדַבֵּר פַּרְעֹה אֶל־יוֹסֵף בַּחֲלֹמִי הִנְנִי עֹמֵד עַל־שְׂפַת הַיְאֹר׃
יח וְהִנֵּה מִן־הַיְאֹר עֹלֹת שֶׁבַע פָּרוֹת בְּרִיאוֹת בָּשָׂר וִיפֹת
יט תֹּאַר וַתִּרְעֶינָה בָּאָחוּ׃ וְהִנֵּה שֶׁבַע־פָּרוֹת אֲחֵרוֹת עֹלוֹת
אַחֲרֵיהֶן דַּלּוֹת וְרָעוֹת תֹּאַר מְאֹד וְרַקּוֹת בָּשָׂר לֹא־רָאִיתִי
כ כָהֵנָּה בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרַיִם לָרֹעַ׃ וַתֹּאכַלְנָה הַפָּרוֹת הָרַקּוֹת
כא וְהָרָעוֹת אֵת שֶׁבַע הַפָּרוֹת הָרִאשֹׁנוֹת הַבְּרִיאֹת׃ וַתָּבֹאנָה
אֶל־קִרְבֶּנָה וְלֹא נוֹדַע כִּי־בָאוּ אֶל־קִרְבֶּנָה וּמַרְאֵיהֶן רַע
כב כַּאֲשֶׁר בַּתְּחִלָּה וָאִיקָץ׃ וָאֵרֶא בַּחֲלֹמִי וְהִנֵּה שֶׁבַע שִׁבֳּלִים
כג עֹלֹת בְּקָנֶה אֶחָד מְלֵאֹת וְטֹבוֹת׃ וְהִנֵּה שֶׁבַע שִׁבֳּלִים
כד צְנֻמוֹת דַּקּוֹת שְׁדֻפוֹת קָדִים צֹמְחוֹת אַחֲרֵיהֶם׃ וַתִּבְלַעְןָ
הַשִּׁבֳּלִים הַדַּקֹּת אֵת שֶׁבַע הַשִּׁבֳּלִים הַטֹּבוֹת וָאֹמַר אֶל־

געזונטע און גוטע. 6 און אָט שפּראָצן אַרויס נאָך זיי זיבן זאַנגען דינע און פֿאַרבּרענטע פֿון מזרח־ווינט. 7 און די דינע זאַנגען האָבן אײַנגעשלונגען די זיבן געזונטע און פֿולע זאַנגען. און פּרעה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט, ערשט עס איז אַ חלום.

8 און עס איז געווען אין דער פֿרי, איז זײַן געמיט געווען צערודערט, און ער האָט געשיקט און גערופֿן אַלע חרטומים פֿון מִצרַיִם, און אַלע אירע חכמים; און פּרעה האָט זיי דערציילט זײַנע חלומות, אָבער קיינער האָט זיי ניט געקענט פּותר זײַן פֿאַר פּרעהן.

9 האָט דער אויבערטרינקמײַסטער גערעדט צו פּרעהן, אַזוי צו זאָגן: מײַנע זינד מוז איך הײַנט דערמאָנען. 10 פּרעה האָט געצערנט אויף זײַנע קנעכט, און האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין דער וואַך פֿון דעם אויבערלײַבּוועכטערס הויז, מיך און דעם אויבערבעקער. 11 האָט זיך אונדז געחלומט אַ חלום אין איין נאַכט, מיר און אים; איטלעכן לויט דעם פּיתרון פֿון זײַן חלום האָט זיך אונדז געחלומט. 12 און דאָרטן איז מיט אונדז געווען אַ עִברי־שער יונג, אַ קנעכט פֿון דעם אויבערלײַבּוועכטער, האָבן מיר אים דערציילט, און ער האָט אונדז פּותר געווען אונדזערע חלומות; איטלעכן לויט זײַן חלום האָט ער פּותר געווען. 13 און עס איז געווען, אַזוי ווי ער האָט אונדז פּותר געווען, אַזוי איז געשען: מיך האָט מען אומגעקערט אויף מײַן שטאַנד, און אים האָט מען אויפֿגעהאַנגען.

14 האָט פּרעה געשיקט און גערופֿן יוספֿן, און מע האָט אים אויף גיך אַרויסגענומען פֿון תּפֿיסה. און ער האָט זיך אָפּגעגאָלט, און האָט איבערגעביטן זײַנע קליידער, און איז געקומען צו פּרעהן.

15 האָט פּרעה געזאָגט צו יוספֿן: מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום, און ניטאָ ווער זאָל אים פּותר זײַן; און איך האָב געהערט זאָגן אויף דיר, אַז דו פֿאַרשטייסט אַ חלום, אים פּותר צו זײַן.

16 האָט יוסף געענטפֿערט פּרעהן, אַזוי צו זאָגן: ניט איך, גאָט וועט באַשיידן דעם פֿריד פֿון פּרעהן.

17 האָט פּרעה געזאָגט צו יוספֿן: מיר חלומט זיך, ערשט איך שטיי בײַם ברעג טײַך. 18 און אָט גייען אַרויף פֿון טײַך זיבן קי, פֿעט אויפֿן לײַב און שיין אויפֿן געשטאַלט; און זיי האָבן זיך געפּיטערט אין גראָז. 19 און אָט גייען אַרויף נאָך זיי זיבן אַנדערע קי, אָרים און זייער מיאוס אויפֿן געשטאַלט און דאַר אויפֿן לײַב, וואָס אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם האָב איך ניט געזען זייער גלײַכן אין מיאוסקייט. 20 און די דאַרע און מיאוסע קי האָבן אויפֿגעגעסן די ערשטע זיבן פֿעטע קי. 21 און זיי זײַנען אַרײַן אין זיי, און עס איז ניט געווען קענטיק אַז זיי זײַנען אין זיי אַרײַן, און זייער אויסזען איז געווען אַזוי מיאוס ווי אין אָנהייב. און איך האָב זיך אויפֿגעכאַפּט. 22 און איך האָב געזען אין מײַן חלום, ערשט זיבן זאַנגען גייען־אויף אויף איין שטענגל, פֿולע און גוטע. 23 און אָט שפּראָצן אַרויס נאָך זיי זיבן זאַנגען אײַנגעטריקנטע, דינע, פֿאַרבּרענטע פֿון מזרח־ווינט. 24 און די דינע זאַנגען האָבן אײַנגעשלונגען די זיבן גוטע זאַנגען. האָב איך

דערציילט די חַרטומים, אָבער קיינער קען מיר ניט
זאָגן.

25 האָט יוסף געזאָגט צו פַּרעהן: דער חלום פון
פַּרעהן איז איינער; וואָס גאָט וויל טאָן האָט ער אָנגע־
זאָגט פַּרעהן. 26 די זיבן גוטע קי דאָס זיינען זיבן יאָר,
און די זיבן גוטע זאַנגען דאָס זיינען זיבן יאָר; איין חלום
איז דאָס. 27 און די זיבן דאַרע און מיאוסע קי, וואָס זיינען
אַרויפגעקומען נאָך זיי, דאָס זיינען זיבן יאָר; און די זיבן
ליידיקע זאַנגען פאַרברענט פון מזרח־ווינט, דאָס וועלן
זיין זיבן הונגעריאָרן. 28 דאָס איז די זאַך וואָס איך האָב
געזאָגט פַּרעהן: וואָס גאָט וויל טאָן האָט ער באַוויזן
פַּרעהן. 29 זע, עס קומען זיבן יאָר פון גרויס זעט אין
גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. 30 און נאָך זיי וועלן אויפשטיין זיבן
הונגעריאָרן, און די גאַנצע זעט וועט זיין פאַרגעסן אין
לאַנד מִצרַיִם; און דער הונגער וועט פאַרלענדן דאָס
לאַנד. 31 און פון דער זעט וועט ניט זיין צו מערקן אין
לאַנד, פון וועגן יענעם הונגער וואָס נאָכדעם; וואָרום
ער וועט זיין זייער שווער. 32 און וואָס דער חלום האָט
זיך איבערגעחזרט אַ צווייט מאָל: ווייל די זאַך איז פעסט
פון גאָט, און גאָט אײַלט דאָס צו טאָן. 33 און אַצונד, זאָל
פַּרעה זען אַ פאַרשטאַנדיקן און אַ קלוגן מאַן, און אים
שטעלן איבערן לאַנד מִצרַיִם. 34 זאָל פַּרעה דאָס טאָן,
און זאָל ער אויפזעצן אויפזעער איבערן לאַנד, און באַ־
וואָרענען דאָס לאַנד מִצרַיִם אין די זיבן זאַטע יאָרן.
35 און זאָל מען אויפזאַמלען די גאַנצע שפּייז פון די דאָזיקע גוטע יאָרן וואָס קומען, און זאָל מען אָנקלייבן תבואה
אונטער דער האַנט פון פַּרעהן, פאַר שפּייז אין די שטעט, און היטן. 36 און די שפּייז וועט זיין אַוועקגעלייגט פאַרן
לאַנד, אויף די זיבן הונגעריאָרן וואָס וועלן זיין אין לאַנד מִצרַיִם, און דאָס לאַנד וועט ניט פאַרשניטן ווערן פון
הונגער.

37 און די זאַך איז וווילגעפעלן אין די אויגן פון פַּרעהן, און אין די אויגן פון אַלע זיינע קנעכט. 38 און
פַּרעה האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: קענען מיר דען געפינען אַזאַ ווי דער דאָזיקער, אַ מאַן וואָס דער גייסט פון גאָט
איז אין אים? 39 און פַּרעה האָט געזאָגט צו יוספן: נאָכדעם ווי גאָט האָט דיך געלאָזט וויסן דאָס אַלץ, איז ניטאָ אַ פאַר־
שטאַנדיקער און אַ קלוגער אַזוי ווי דו. 40 דו וועסט זיין איבער מיין הויז, און לויט דיין מויל זאָל געווירטשאַפט ווערן
מיין גאַנץ פאָלק; נאָר מיטן טראָן וועל איך זיין גרעסער פון דיר. 41 און פַּרעה האָט געזאָגט צו יוספן: זע,
איך האָב דיך אויפגעזעצט איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. 42 און פַּרעה האָט אַראָפּגענומען זיין זיגלרינג פון
זיין האַנט, און האָט אים אָנגעטאָן אויף דער האַנט פון יוספן, און ער האָט אים אָנגעקליידט אין ליינענע
בגדים, און אים אָנגעטאָן אַ גילדערנע קייט אויפן האַלדז. 43 און ער האָט אים געמאַכט פאָרן אין זיין צווייטן רייטוואָגן;

כה הַחַרְטֻמִּים וְאֵין מַגִּיד לִי: וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־פַּרְעֹה חֲלוֹם
פַּרְעֹה אֶחָד הוּא אֵת אֲשֶׁר הָאֱלֹהִים עֹשֶׂה הִגִּיד לְפַרְעֹה:
כו שֶׁבַע פָּרֹת הַטֹּבֹת שֶׁבַע שָׁנִים הֵנָּה וְשֶׁבַע הַשִּׁבֳּלִים
כז הַטֹּבֹת שֶׁבַע שָׁנִים הֵנָּה חֲלוֹם אֶחָד הוּא: וְשֶׁבַע הַפָּרוֹת
הָרַקּוֹת וְהָרָעֹת הָעֹלֹת אַחֲרֵיהֶן שֶׁבַע שָׁנִים הֵנָּה וְשֶׁבַע
הַשִּׁבֳּלִים הָרֵקוֹת שְׁדֻפוֹת הַקָּדִים יִהְיוּ שֶׁבַע שְׁנֵי רָעָב:
כח הוּא הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי אֶל־פַּרְעֹה אֲשֶׁר הָאֱלֹהִים עֹשֶׂה
כט הֶרְאָה אֶת־פַּרְעֹה: הִנֵּה שֶׁבַע שָׁנִים בָּאוֹת שָׂבָע גָּדוֹל
ל בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם: וְקָמוּ שֶׁבַע שְׁנֵי רָעָב אַחֲרֵיהֶן וְנִשְׁכַּח
לא כָּל־הַשָּׂבָע בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְכִלָּה הָרָעָב אֶת־הָאָרֶץ: וְלֹא־
יִוָּדַע הַשָּׂבָע בָּאָרֶץ מִפְּנֵי הָרָעָב הַהוּא אַחֲרֵי־כֵן כִּי־כָבֵד
לב הוּא מְאֹד: וְעַל הִשָּׁנוֹת הַחֲלוֹם אֶל־פַּרְעֹה פַּעֲמָיִם כִּי־
נָכוֹן הַדָּבָר מֵעִם הָאֱלֹהִים וּמְמַהֵר הָאֱלֹהִים לַעֲשֹׂתוֹ:
לג וְעַתָּה יֵרֶא פַרְעֹה אִישׁ נָבוֹן וְחָכָם וִישִׁיתֵהוּ עַל־אֶרֶץ
לד מִצְרָיִם: יַעֲשֶׂה פַרְעֹה וְיַפְקֵד פְּקִדִים עַל־הָאָרֶץ וְחִמֵּשׁ
לה אֶת־אֶרֶץ מִצְרַיִם בְּשֶׁבַע שְׁנֵי הַשָּׂבָע: וְיִקְבְּצוּ אֶת־כָּל־
אֹכֶל הַשָּׁנִים הַטֹּבֹת הַבָּאֹת הָאֵלֶּה וְיִצְבְּרוּ־בָר תַּחַת יַד־
לו פַּרְעֹה אֹכֶל בֶּעָרִים וְשָׁמָרוּ: וְהָיָה הָאֹכֶל לְפִקָּדוֹן לָאָרֶץ
לְשֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב אֲשֶׁר תִּהְיֶיןָ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְלֹא־תִכָּרֵת
לז הָאָרֶץ בָּרָעָב: וַיִּיטַב הַדָּבָר בְּעֵינֵי פַרְעֹה וּבְעֵינֵי כָּל־
לח עֲבָדָיו: וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־עֲבָדָיו הֲנִמְצָא כָזֶה אִישׁ אֲשֶׁר
לט רוּחַ אֱלֹהִים בּוֹ: וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־יוֹסֵף אַחֲרֵי הוֹדִיעַ
מ אֱלֹהִים אוֹתְךָ אֶת־כָּל־זֹאת אֵין־נָבוֹן וְחָכָם כָּמוֹךָ: אַתָּה
תִּהְיֶה עַל־בֵּיתִי וְעַל־פִּיךָ יִשַּׁק כָּל־עַמִּי רַק הַכִּסֵּא אֶגְדַּל
מא מִמֶּךָּ: וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־יוֹסֵף רְאֵה נָתַתִּי אֹתְךָ עַל כָּל־
מב אֶרֶץ מִצְרָיִם: וַיָּסַר פַּרְעֹה אֶת־טַבַּעְתּוֹ מֵעַל יָדוֹ וַיִּתֵּן
אֹתָהּ עַל־יַד יוֹסֵף וַיַּלְבֵּשׁ אֹתוֹ בִּגְדֵי־שֵׁשׁ וַיָּשֶׂם רְבִד
מג הַזָּהָב עַל־צַוָּארוֹ: וַיַּרְכֵּב אֹתוֹ בְּמִרְכֶּבֶת הַמִּשְׁנֶה אֲשֶׁר־

לוֹ וַיִּקְרְאוּ לְפָנָיו אַבְרֵךְ וְנָתוֹן אֹתוֹ עַל כָּל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃
מד וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־יוֹסֵף אֲנִי פַרְעֹה וּבִלְעָדֶיךָ לֹא־יָרִים
מה אִישׁ אֶת־יָדוֹ וְאֶת־רַגְלוֹ בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיִּקְרָא פַרְעֹה
שֵׁם־יוֹסֵף צָפְנַת פַּעְנֵחַ וַיִּתֶּן־לוֹ אֶת־אָסְנַת בַּת־פּוֹטִי פֶרַע
מו כֹּהֵן אֹן לְאִשָּׁה וַיֵּצֵא יוֹסֵף עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְיוֹסֵף בֶּן־
שְׁלֹשִׁים שָׁנָה בְּעָמְדוֹ לִפְנֵי פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרָיִם וַיֵּצֵא
מז יוֹסֵף מִלִּפְנֵי פַרְעֹה וַיַּעֲבֹר בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַתַּעַשׂ
מח הָאָרֶץ בְּשֶׁבַע שְׁנֵי הַשָּׂבָע לִקְמָצִים׃ וַיִּקְבֹּץ אֶת־כָּל־אֹכֶל ׀
שֶׁבַע שָׁנִים אֲשֶׁר הָיוּ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וַיִּתֶּן־אֹכֶל בֶּעָרִים
מט אֹכֶל שְׂדֵה־הָעִיר אֲשֶׁר סְבִיבֹתֶיהָ נָתַן בְּתוֹכָהּ׃ וַיִּצְבֹּר
יוֹסֵף בָּר כְּחוֹל הַיָּם הַרְבֵּה מְאֹד עַד כִּי־חָדַל לִסְפֹּר כִּי־
נ אֵין מִסְפָּר׃ וּלְיוֹסֵף יֻלַּד שְׁנֵי בָנִים בְּטֶרֶם תָּבוֹא שְׁנַת
הָרָעָב אֲשֶׁר יָלְדָה־לּוֹ אָסְנַת בַּת־פּוֹטִי פֶרַע כֹּהֵן אוֹן׃
נא וַיִּקְרָא יוֹסֵף אֶת־שֵׁם הַבְּכוֹר מְנַשֶּׁה כִּי־נַשַּׁנִי אֱלֹהִים אֶת־
נב כָּל־עֲמָלִי וְאֵת כָּל־בֵּית אָבִי׃ וְאֵת שֵׁם הַשֵּׁנִי קָרָא אֶפְרָיִם
נג כִּי־הִפְרַנִי אֱלֹהִים בְּאֶרֶץ עָנְיִי׃ וַתִּכְלֶינָה שֶׁבַע שְׁנֵי הַשָּׂבָע
נד אֲשֶׁר הָיָה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַתְּחִלֶּינָה שֶׁבַע שְׁנֵי הָרָעָב
לָבוֹא כַּאֲשֶׁר אָמַר יוֹסֵף וַיְהִי רָעָב בְּכָל־הָאֲרָצוֹת וּבְכָל־
נה אֶרֶץ מִצְרַיִם הָיָה לָחֶם׃ וַתִּרְעַב כָּל־אֶרֶץ מִצְרַיִם וַיִּצְעַק
הָעָם אֶל־פַּרְעֹה לַלָּחֶם וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה לְכָל־מִצְרַיִם לְכוּ
נו אֶל־יוֹסֵף אֲשֶׁר־יֹאמַר לָכֶם תַּעֲשׂוּ׃ וְהָרָעָב הָיָה עַל כָּל־
פְּנֵי הָאָרֶץ וַיִּפְתַּח יוֹסֵף אֶת־כָּל־אֲשֶׁר בָּהֶם וַיִּשְׁבֹּר לְמִצְרַיִם
נז וַיֶּחֱזַק הָרָעָב בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְכָל־הָאָרֶץ בָּאוּ מִצְרַיְמָה
לִשְׁבֹּר אֶל־יוֹסֵף כִּי־חָזַק הָרָעָב בְּכָל־הָאָרֶץ׃

## מב

א וַיַּרְא יַעֲקֹב כִּי יֶשׁ־שֶׁבֶר בְּמִצְרָיִם וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב לְבָנָיו
ב לָמָּה תִּתְרָאוּ׃ וַיֹּאמֶר הִנֵּה שָׁמַעְתִּי כִּי יֶשׁ־שֶׁבֶר בְּמִצְרַיִם

מא, נ׳ למ״ד קמוצה

און מע האָט אויסגערופן פאַר אים: אַבְרֵךְ[א]! און ער האָט אים אויפגעזעצט איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

44 און פַּרעה האָט געזאָגט צו יוספן: איך בין פַּרעה, אָבער אָן דיר זאָל קיינער ניט אויפהייבן אַ האַנט אָדער אַ פוס אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. 45 און פַּרעה האָט גערופן דעם נאָמען פון יוספן, צָפנַת־פַּעְנֵחַ[א]; און ער האָט אים געגעבן אָסנַת די טאָכטער פון פּוטי־פֶּרַע, דעם פּריסטער פון און, פאַר אַ ווייב.

און יוסף איז אַרויסגעגאַנגען איבערן לאַנד מִצרַיִם.— 46 און יוסף איז געווען דרייסיק יאָר אַלט, ווען ער האָט זיך געשטעלט פאַר פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם.—און יוסף איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר פַּרעהן, און איז דורכגעגאַנגען דורכן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

47 און דאָס לאַנד האָט געבראַכט אין די זיבן זאַטע יאָרן הויפנסווייז. 48 און ער האָט אויפגעזאַמלט די גאַנצע שפּייז פון די זיבן יאָר וואָס זיינען געווען אין לאַנד מִצרַיִם, און האָט אַריינגעטאָן די שפּייז אין די שטעט; די שפּייז פון די פעלדער פון אַ שטאָט וואָס אַרום איר, האָט ער אַריינגעטאָן אין איר. 49 און יוסף האָט אָנגעקליבן תבואה אַזוי ווי זאַמד פון ים, זייער פיל, ביז מע האָט אויפגעהערט צו ציילן, ווייל עס איז געווען אָן אַ צאָל.

50 און ביי יוספן זיינען געבאָרן געוואָרן, איידער דאָס הונגעריאָר איז געקומען, צוויי זין, וואָס אָסנַת די טאָכטער פון פּוטי־פֶּרַע דעם פּריסטער פון און האָט אים געבאָרן. 51 און יוסף האָט גערופן דעם נאָמען פון דעם בְּכוֹר מְנַשֶּׁה, ווייל: „גאָט האָט מיך געמאַכט פאַרגעסן[ב] מיין גאַנצע מאַטערניש, און דאָס גאַנצע הויז פון מיין פאָטער". 52 און דעם נאָמען פון דעם צווייטן האָט ער גערופן אֶפרַיִם, ווייל: „גאָט האָט מיך געפרוכפּערט[ג] אין דעם לאַנד פון מיין פּיין".

53 און עס האָבן זיך געענדיקט די זיבן יאָר פון דער זעט וואָס איז געווען אין לאַנד מִצרַיִם. 54 און עס האָבן אָנגעהויבן קומען די זיבן הונגעריאָרן, אַזוי ווי יוסף האָט פאָרויסגעזאָגט. און עס איז געווען אַ הונגער אין אַלע לענדער, נאָר אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם איז געווען ברויט.

55 און אַז דאָס גאַנצע לאַנד מִצרַיִם האָט אָנגעהויבן הונגערן, און דאָס פאָלק האָט געשריען צו פַּרעהן אום ברויט, האָט פַּרעה געזאָגט צו גאַנץ מִצרַיִם: גייט צו יוספן; וואָס ער וועט אייך זאָגן, זאָלט איר טאָן. 56 און דער הונגער איז געווען איבערן גאַנצן לאַנד; און יוסף האָט געעפנט אַלע שפּייכלערס, און האָט פאַרקויפט צו מִצרַיִם; און דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט אין לאַנד מִצרַיִם. 57 און פון דער גאַנצער ערד איז מען געקומען קיין מִצרַיִם צו יוספן קויפן תבואה, וואָרום דער הונגער איז געווען שטאַרק אויף דער גאַנצער ערד.

מב 1 און יעקב האָט געזען אַז עס איז דאָ תבואה אין מִצרַיִם, און יעקב האָט געזאָגט צו זיינע זין: וואָס קוקט איר אייך אָן? 2 און ער האָט געזאָגט: אָט האָב איך געהערט, אַז עס איז דאָ תבואה אין מִצרַיִם.

[א] זע אָנמערקונגען. [ב] נַשַּׁנִי. [ג] הִפְרַנִי.

נידערט אַראָפּ אַהין, און קויפט אונדז איין פון דאָרטן, כּדי מיר זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן.

[3] האָבן יוספס צען ברידער אַראָפּגענידערט קויפן תּבֿואה פון מִצרַיִם. [4] אָבער בנימין, יוספס ברודער, האָט יעקב ניט מיטגעשיקט מיט זיינע ברידער, ווייל ער האָט געזאָגט: טאָמער וועט אים טרעפן אַן אומגליק.

[5] זיינען געקומען די זין פון ישׂראל איינקויפן, צווישן די וואָס זיינען געקומען, וואָרום דער הונגער איז געווען אין לאַנד כּנַעַן. [6] און יוסף איז געווען דער געוועלטיקער איבערן לאַנד; ער איז געווען דער וואָס האָט פאַרקויפט צום גאַנצן פאָלק פון לאַנד. זיינען געקומען יוספס ברי־דער, און האָבן זיך צו אים געבוקט מיטן פּנים צו דער ערד. [7] און יוסף האָט געזען זיינע ברידער, און האָט זיי דערקענט, אָבער ער האָט זיך געמאַכט פרעמד צו זיי, און האָט גערעדט מיט זיי האַרט, און האָט צו זיי געזאָגט: פון וואַנען קומט איר? האָבן זיי געזאָגט: פון לאַנד כּנַעַן, איינצוקויפן שפּייז.

[8] און יוסף האָט דערקענט זיינע ברידער, אָבער זיי האָבן אים ניט דערקענט. [9] און יוסף האָט זיך דערמאָנט אָן די חלומות, וואָס ער האָט זיך אים געחלומט וועגן זיי, און ער האָט צו זיי געזאָגט: אויסקוקערס זייט איר; צו זען די נאַקעטקייט פון לאַנד זייט איר געקומען.

[10] האָבן זיי צו אים געזאָגט: ניין, מיין האַר, נייערט צו קויפן שפּייז זיינען געקומען דיינע קנעכט. [11] מיר אַלע זיינען זין פון איין מאַן; ערלעכע מענטשן זיינען מיר; דיינע קנעכט זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין אויסקוקערס.

ג רְדוּ־שָׁמָּה וְשִׁבְרוּ־לָנוּ מִשָּׁם וְנִחְיֶה וְלֹא נָמוּת: וַיֵּרְדוּ
ד אֲחֵי־יוֹסֵף עֲשָׂרָה לִשְׁבֹּר בָּר מִמִּצְרָיִם: וְאֶת־בִּנְיָמִין אֲחִי
יוֹסֵף לֹא־שָׁלַח יַעֲקֹב אֶת־אֶחָיו כִּי אָמַר פֶּן־יִקְרָאֶנּוּ אָסוֹן:
ה וַיָּבֹאוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִשְׁבֹּר בְּתוֹךְ הַבָּאִים כִּי־הָיָה הָרָעָב
ו בְּאֶרֶץ כְּנָעַן: וְיוֹסֵף הוּא הַשַּׁלִּיט עַל־הָאָרֶץ הוּא הַמַּשְׁבִּיר
לְכָל־עַם הָאָרֶץ וַיָּבֹאוּ אֲחֵי יוֹסֵף וַיִּשְׁתַּחֲווּ־לוֹ אַפַּיִם
ז אָרְצָה: וַיַּרְא יוֹסֵף אֶת־אֶחָיו וַיַּכִּרֵם וַיִּתְנַכֵּר אֲלֵיהֶם
וַיְדַבֵּר אִתָּם קָשׁוֹת וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מֵאַיִן בָּאתֶם וַיֹּאמְרוּ
ח מֵאֶרֶץ כְּנַעַן לִשְׁבָּר־אֹכֶל: וַיַּכֵּר יוֹסֵף אֶת־אֶחָיו וְהֵם
ט לֹא הִכִּרֻהוּ: וַיִּזְכֹּר יוֹסֵף אֵת הַחֲלֹמוֹת אֲשֶׁר חָלַם לָהֶם
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מְרַגְּלִים אַתֶּם לִרְאוֹת אֶת־עֶרְוַת הָאָרֶץ
י בָּאתֶם: וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו לֹא אֲדֹנִי וַעֲבָדֶיךָ בָּאוּ לִשְׁבָּר־אֹכֶל:
יא כֻּלָּנוּ בְּנֵי אִישׁ־אֶחָד נָחְנוּ כֵּנִים אֲנַחְנוּ לֹא־הָיוּ עֲבָדֶיךָ
יב מְרַגְּלִים: וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם לֹא כִּי־עֶרְוַת הָאָרֶץ בָּאתֶם
יג לִרְאוֹת: וַיֹּאמְרוּ שְׁנֵים עָשָׂר עֲבָדֶיךָ אַחִים | אֲנַחְנוּ בְּנֵי
אִישׁ־אֶחָד בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וְהִנֵּה הַקָּטֹן אֶת־אָבִינוּ הַיּוֹם
יד וְהָאֶחָד אֵינֶנּוּ: וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יוֹסֵף הוּא אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי
טו אֲלֵכֶם לֵאמֹר מְרַגְּלִים אַתֶּם: בְּזֹאת תִּבָּחֵנוּ חֵי פַרְעֹה אִם־
טז תֵּצְאוּ מִזֶּה כִּי אִם־בְּבוֹא אֲחִיכֶם הַקָּטֹן הֵנָּה: שִׁלְחוּ
מִכֶּם אֶחָד וְיִקַּח אֶת־אֲחִיכֶם וְאַתֶּם הֵאָסְרוּ וְיִבָּחֲנוּ דִּבְרֵיכֶם
הַאֱמֶת אִתְּכֶם וְאִם־לֹא חֵי פַרְעֹה כִּי מְרַגְּלִים אַתֶּם:
יז יח וַיֶּאֱסֹף אֹתָם אֶל־מִשְׁמָר שְׁלֹשֶׁת יָמִים: וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם
יוֹסֵף בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי זֹאת עֲשׂוּ וִחְיוּ אֶת־הָאֱלֹהִים אֲנִי
חמ' יָרֵא: אִם־כֵּנִים אַתֶּם אֲחִיכֶם אֶחָד יֵאָסֵר בְּבֵית מִשְׁמַרְכֶם
כ וְאַתֶּם לְכוּ הָבִיאוּ שֶׁבֶר רַעֲבוֹן בָּתֵּיכֶם: וְאֶת־אֲחִיכֶם
הַקָּטֹן תָּבִיאוּ אֵלַי וְיֵאָמְנוּ דִבְרֵיכֶם וְלֹא תָמוּתוּ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן:
כא וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל־אָחִיו אֲבָל אֲשֵׁמִים | אֲנַחְנוּ עַל־אָחִינוּ
אֲשֶׁר רָאִינוּ צָרַת נַפְשׁוֹ בְּהִתְחַנְנוֹ אֵלֵינוּ וְלֹא שָׁמָעְנוּ עַל־

[12] האָט ער צו זיי געזאָגט: ניין, נייערט די נאַקעטקייט פון לאַנד זייט איר געקומען זען.

[13] האָבן זיי געזאָגט: צוועלף ברידער זיינען מיר, דיינע קנעכט, זין פון איין מאַן אין לאַנד כּנַעַן, און אָט איז דער יינגסטער היינט מיט אונדזער פאָטער, און איינער איז ניט געוואָרן.

[14] האָט יוסף צו זיי געזאָגט: דאָס איז דאָך וואָס איך האָב צו אייך גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אויסקוקערס זייט איר. [15] דערמיט וועט איר געפּרווט ווערן: אַזוי ווי פּרעה לעבט, אויב איר וועט פון דאַנען אַרויסגיין, סיידן אייער יינגסטער ברודער וועט קומען אַהער! [16] שיקט פון אייך איינעם, ער זאָל ברענגען אייער ברודער, און איר בלייבט איינגע־שפּאַרט, כּדי אייערע ווערטער זאָלן אויסגעפּרווט ווערן, אויב דער אמת איז מיט אייך; און אויב ניט, אַזוי ווי פּרעה לעבט, אַז איר זייט אויסקוקערס!

[17] און ער האָט זיי אַריינגענומען אין וואַך אויף דריי טעג.

[18] און יוסף האָט צו זיי געזאָגט אויפן דריטן טאָג: דאָס טוט, און איר וועט בלייבן לעבן–איך האָב מורא פאַר גאָט: [19] אויב איר זייט ערלעכע מענטשן, זאָל איין ברודער אייערער בלייבן איינגעשפּאַרט אין אייער וואַכהויז, און איר גייט, און ברענגט תּבֿואה פאַר דעם הונגער פון אייערע הויזגעזינטן. [20] און אייער יינגסטן ברודער זאָלט איר ברענגען צו מיר; און אייערע ווערטער וועלן באַוואָרט ווערן, און איר וועט ניט שטאַרבן.

האָבן זיי אַזוי געטאָן.

[21] און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: פאַרוואָר, מיר זיינען שולדיק וועגן אונדזער ברודער וואָס מיר האָבן צוגעזען דעם צער פון זיין זעל, ווען ער האָט זיך געבעטן ביי אונדז, און מיר האָבן ניט צוגעהערט.

כֵּן בָּאָה אֵלֵינוּ הַצָּרָה הַזֹּאת׃ וַיַּעַן רְאוּבֵן אֹתָם לֵאמֹר כב
הֲלוֹא אָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם ׀ לֵאמֹר אַל־תֶּחֶטְאוּ בַיֶּלֶד וְלֹא
שְׁמַעְתֶּם וְגַם־דָּמוֹ הִנֵּה נִדְרָשׁ׃ וְהֵם לֹא יָדְעוּ כִּי שֹׁמֵעַ כג
יוֹסֵף כִּי הַמֵּלִיץ בֵּינֹתָם׃ וַיִּסֹּב מֵעֲלֵיהֶם וַיֵּבְךְּ וַיָּשָׁב כד
אֲלֵהֶם וַיְדַבֵּר אֲלֵהֶם וַיִּקַּח מֵאִתָּם אֶת־שִׁמְעוֹן וַיֶּאֱסֹר אֹתוֹ
לְעֵינֵיהֶם׃ וַיְצַו יוֹסֵף וַיְמַלְאוּ אֶת־כְּלֵיהֶם בָּר וּלְהָשִׁיב כה
כַּסְפֵּיהֶם אִישׁ אֶל־שַׂקּוֹ וְלָתֵת לָהֶם צֵדָה לַדָּרֶךְ וַיַּעַשׂ
לָהֶם כֵּן׃ וַיִּשְׂאוּ אֶת־שִׁבְרָם עַל־חֲמֹרֵיהֶם וַיֵּלְכוּ מִשָּׁם׃ כו
וַיִּפְתַּח הָאֶחָד אֶת־שַׂקּוֹ לָתֵת מִסְפּוֹא לַחֲמֹרוֹ בַּמָּלוֹן וַיַּרְא כז
אֶת־כַּסְפּוֹ וְהִנֵּה־הוּא בְּפִי אַמְתַּחְתּוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֶל־אֶחָיו כח
הוּשַׁב כַּסְפִּי וְגַם הִנֵּה בְאַמְתַּחְתִּי וַיֵּצֵא לִבָּם וַיֶּחֶרְדוּ אִישׁ
אֶל־אָחִיו לֵאמֹר מַה־זֹּאת עָשָׂה אֱלֹהִים לָנוּ׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־ כט
יַעֲקֹב אֲבִיהֶם אַרְצָה כְּנָעַן וַיַּגִּידוּ לוֹ אֵת כָּל־הַקֹּרֹת אֹתָם
לֵאמֹר׃ דִּבֶּר הָאִישׁ אֲדֹנֵי הָאָרֶץ אִתָּנוּ קָשׁוֹת וַיִּתֵּן אֹתָנוּ ל
כִּמְרַגְּלִים אֶת־הָאָרֶץ׃ וַנֹּאמֶר אֵלָיו כֵּנִים אֲנָחְנוּ לֹא הָיִינוּ לא
מְרַגְּלִים׃ שְׁנֵים־עָשָׂר אֲנַחְנוּ אַחִים בְּנֵי אָבִינוּ הָאֶחָד אֵינֶנּוּ לב
וְהַקָּטֹן הַיּוֹם אֶת־אָבִינוּ בְּאֶרֶץ כְּנָעַן׃ וַיֹּאמֶר אֵלֵינוּ הָאִישׁ לג
אֲדֹנֵי הָאָרֶץ בְּזֹאת אֵדַע כִּי כֵנִים אַתֶּם אֲחִיכֶם הָאֶחָד
הַנִּיחוּ אִתִּי וְאֶת־רַעֲבוֹן בָּתֵּיכֶם קְחוּ וָלֵכוּ׃ וְהָבִיאוּ אֶת־ לד
אֲחִיכֶם הַקָּטֹן אֵלַי וְאֵדְעָה כִּי לֹא מְרַגְּלִים אַתֶּם כִּי כֵנִים
אַתֶּם אֶת־אֲחִיכֶם אֶתֵּן לָכֶם וְאֶת־הָאָרֶץ תִּסְחָרוּ׃ וַיְהִי לה
הֵם מְרִיקִים שַׂקֵּיהֶם וְהִנֵּה־אִישׁ צְרוֹר־כַּסְפּוֹ בְּשַׂקּוֹ
וַיִּרְאוּ אֶת־צְרֹרוֹת כַּסְפֵּיהֶם הֵמָּה וַאֲבִיהֶם וַיִּירָאוּ׃ וַיֹּאמֶר לו
אֲלֵהֶם יַעֲקֹב אֲבִיהֶם אֹתִי שִׁכַּלְתֶּם יוֹסֵף אֵינֶנּוּ וְשִׁמְעוֹן
אֵינֶנּוּ וְאֶת־בִּנְיָמִן תִּקָּחוּ עָלַי הָיוּ כֻלָּנָה׃ וַיֹּאמֶר רְאוּבֵן לז
אֶל־אָבִיו לֵאמֹר אֶת־שְׁנֵי בָנַי תָּמִית אִם־לֹא אֲבִיאֶנּוּ
אֵלֶיךָ תְּנָה אֹתוֹ עַל־יָדִי וַאֲנִי אֲשִׁיבֶנּוּ אֵלֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר לֹא־ לח

לו׳ קמץ בז״ק

דרום איז אויף אונדז געקומען דידאָזיקע צרה. [22] און ראובן האָט זיך אָפּגערופן צו זיי, אַזוי צו זאָגן: האָב איך אַייך ניט געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: פאַרזינדיקט אַייך ניט אָן דעם יינגל? אָבער איר האָט ניט צוגעהערט; און אָט אויך ווערט זיין בלוט אויפגעמאָנט.

[23] און זיי האָבן ניט געוווּסט אַז יוסף פאַרשטייט וואָרום אַ טאָלמעטש איז געווען צווישן זיי. [24] האָט ער זיך אָפּגעדרייט פון זיי, און האָט געוויינט. און ער האָט זיך אומגעקערט צו זיי, און האָט צו זיי גערעדט; און ער האָט גענומען פון זיי שמעונען, און האָט אים אַיינגעשפּאַרט פאַר זייערע אויגן.

[25] און יוסף האָט באַפוילן, מע זאָל אָנפילן זייערע כלים מיט תבואה, און אומקערן זייער געלט איטלעכן אין זיין זאַק, און זיי געבן שפּייז אויפן וועג. און מע האָט צו זיי אַזוי געטאָן. [26] און זיי האָבן אויפגעלאָדן זייער תבואה אויף זייערע אייזלען, און זיינען אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן.

[27] האָט איינער געעפנט זיין זאַק צו געבן זיין אייזל פוטער אין האַרבעריק, און האָט דערזען זיין געלט, ערשט עס איז אין מויל פון זיין זאַק. [28] האָט ער געזאָגט צו זיינע ברידער: מיין געלט איז אומגעקערט געוואָרן, און אָט איז עס אויך אין מיין זאַק. איז זיי אַרויסגעפאַלן דאָס האַרץ, און זיי האָבן ציטערנדיק געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואָס האָט אונדז דאָ גאָט געטאָן?

[29] און זיי זיינען געקומען צו זייער פאָטער יעקבן קיין לאַנד כנען, און האָבן אים דערציילט אַלץ וואָס זיי האָט געטראָפן, אַזוי צו זאָגן: [30] דער מאַן, דער האַר פון לאַנד, האָט מיט אונדז גערעדט האַרט, און ער האָט אונדז געמאַכט פאַר אויסקוקערס פון דעם לאַנד. [31] האָבן מיר צו אים געזאָגט: ערלעכע מענטשן זיינען מיר, מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען קיין אויסקוקערס. [32] צוועלף ברידער זיינען מיר, זין פון אונדזער פאָטער; איינער איז ניט געוואָרן, און דער יינגסטער איז היינט מיט אונדזער פאָטער אין לאַנד כנען. [33] האָט דער מאַן, דער האַר פון לאַנד, צו אונדז געזאָגט: דערמיט וועל איך וויסן אַז איר זייט ערלעכע מענטשן: איין ברודער אַייערן לאָזט איבער ביי מיר, און נעמט גענוג פאַר דעם הונגער פון אַייערע הויזגעזינטן, און גייט. [34] און ברענגט אַייער יינגסטן ברודער צו מיר, און איך וועל וויסן אַז איר זייט ניט קיין אויסקוקערס, נאָר איר זייט ערלעכע מענטשן; וועל איך אַייך אָפּגעבן אַייער ברודער, און איר וועט מעגן פאַרקערן אין לאַנד.

[35] און עס איז געווען, ווי זיי ליידיקן אויס זייערע זעק, ערשט איטלעכנס בינטל געלט איז אין זיין זאַק; און ווי זיי און זייער פאָטער האָבן דערזען זייערע בינטלעך געלט, אַזוי האָבן זיי מורא געקראָגן. [36] און זייער פאָטער יעקב האָט צו זיי געזאָגט: איר האָט מיך באַרויבט פון מיינע קינדער; יוסף איז מער ניטאָ, און שמעון איז ניטאָ, און בנימינען ווילט איר אַוועקנעמען; דאָס אַלץ איז אויף מיר אויסגעגאַנגען.

[37] האָט ראובן געזאָגט צו זיין פאָטער, אַזוי צו זאָגן: מיינע ביידע זין זאָלסטו טייטן, אויב איך וועל דיר אים ניט צוריקברענגען. גיב אים אויף מיין האַנט, און איך וועל אים אומקערן צו דיר.

יֵרֵד בְּנִי עִמָּכֶם כִּי־אָחִיו מֵת וְהוּא לְבַדּוֹ נִשְׁאָר וּקְרָאָהוּ
אָסוֹן בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר תֵּלְכוּ־בָהּ וְהוֹרַדְתֶּם אֶת־שֵׂיבָתִי בְּיָגוֹן
שְׁאוֹלָה׃

מג

א וְהָרָעָב כָּבֵד בָּאָרֶץ׃ ב וַיְהִי כַּאֲשֶׁר כִּלּוּ לֶאֱכֹל אֶת־הַשֶּׁבֶר
אֲשֶׁר הֵבִיאוּ מִמִּצְרָיִם וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם אֲבִיהֶם שֻׁבוּ שִׁבְרוּ־
ג לָנוּ מְעַט־אֹכֶל׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוּדָה לֵאמֹר הָעֵד הֵעִד
בָּנוּ הָאִישׁ לֵאמֹר לֹא־תִרְאוּ פָנַי בִּלְתִּי אֲחִיכֶם אִתְּכֶם׃
ד אִם־יֶשְׁךָ מְשַׁלֵּחַ אֶת־אָחִינוּ אִתָּנוּ נֵרְדָה וְנִשְׁבְּרָה לְךָ
ה אֹכֶל׃ וְאִם־אֵינְךָ מְשַׁלֵּחַ לֹא נֵרֵד כִּי־הָאִישׁ אָמַר אֵלֵינוּ
ו לֹא־תִרְאוּ פָנַי בִּלְתִּי אֲחִיכֶם אִתְּכֶם׃ וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל לָמָה
ז הֲרֵעֹתֶם לִי לְהַגִּיד לָאִישׁ הַעוֹד לָכֶם אָח׃ וַיֹּאמְרוּ שָׁאוֹל
שָׁאַל־הָאִישׁ לָנוּ וּלְמוֹלַדְתֵּנוּ לֵאמֹר הַעוֹד אֲבִיכֶם חַי הֲיֵשׁ
לָכֶם אָח וַנַּגֶּד־לוֹ עַל־פִּי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הֲיָדוֹעַ נֵדַע כִּי
ח יֹאמַר הוֹרִידוּ אֶת־אֲחִיכֶם׃ וַיֹּאמֶר יְהוּדָה אֶל־יִשְׂרָאֵל
אָבִיו שִׁלְחָה הַנַּעַר אִתִּי וְנָקוּמָה וְנֵלֵכָה וְנִחְיֶה וְלֹא נָמוּת
ט גַּם־אֲנַחְנוּ גַם־אַתָּה גַּם־טַפֵּנוּ׃ אָנֹכִי אֶעֶרְבֶנּוּ מִיָּדִי תְּבַקְשֶׁנּוּ
אִם־לֹא הֲבִיאֹתִיו אֵלֶיךָ וְהִצַּגְתִּיו לְפָנֶיךָ וְחָטָאתִי לְךָ
כָּל־הַיָּמִים׃ כִּי לוּלֵא הִתְמַהְמָהְנוּ כִּי־עַתָּה שַׁבְנוּ זֶה
יא פַעֲמָיִם׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יִשְׂרָאֵל אֲבִיהֶם אִם־כֵּן ׀ אֵפוֹא
זֹאת עֲשׂוּ קְחוּ מִזִּמְרַת הָאָרֶץ בִּכְלֵיכֶם וְהוֹרִידוּ לָאִישׁ
מִנְחָה מְעַט צֳרִי וּמְעַט דְּבַשׁ נְכֹאת וָלֹט בָּטְנִים וּשְׁקֵדִים׃
יב וְכֶסֶף מִשְׁנֶה קְחוּ בְיֶדְכֶם וְאֶת־הַכֶּסֶף הַמּוּשָׁב בְּפִי
יג אַמְתְּחֹתֵיכֶם תָּשִׁיבוּ בְיֶדְכֶם אוּלַי מִשְׁגֶּה הוּא׃ וְאֶת־
יד אֲחִיכֶם קָחוּ וְקוּמוּ שׁוּבוּ אֶל־הָאִישׁ׃ וְאֵל שַׁדַּי יִתֵּן לָכֶם
רַחֲמִים לִפְנֵי הָאִישׁ וְשִׁלַּח לָכֶם אֶת־אֲחִיכֶם אַחֵר וְאֶת־
טו בִּנְיָמִין וַאֲנִי כַּאֲשֶׁר שָׁכֹלְתִּי שָׁכָלְתִּי׃ וַיִּקְחוּ הָאֲנָשִׁים אֶת־

יב׳ דשי בפתח

38 האָט ער געזאָגט: מיין זון וועט ניט אַראָפּנידערן מיט אַייך, וואָרום זיין ברודער איז טויט, און ער אַליין איז געבליבן, און אַז אים וועט טרעפן אַן אומגליק אויף דעם וועג וואָס איר וועט גיין דערויף, וועט איר מאַכן נידערן מיינע גראָע האָר מיט טרויער אין קבר.

# מג

1 און דער הונגער איז געווען שווער אין לאַנד. 2 און עס איז געווען, אַז זיי האָבן אויפגעגעסן די תבואה, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון מִצרַיִם, האָט זייער פאָטער צו זיי געזאָגט: גייט ווידער, קויפט אונדז אַ ביסל שפּייז.

3 האָט יהודה געזאָגט צו אים, אַזוי צו זאָגן: וואָרענען האָט אונדז געוואָרנט דער מאַן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט מיין פּנים ניט זען, אויב אַייער ברודער איז ניט מיט אַייך. 4 אויב דו שיקסט אונדזער ברודער מיט אונדז, וועלן מיר אַראָפּנידערן, און וועלן דיר אַיינקויפן שפּייז. 5 אויב אָבער דו שיקסט ניט, וועלן מיר ניט אַראָפּנידערן, וואָרום דער מאַן האָט אונדז אָנגעזאָגט: איר זאָלט מיין פּנים ניט זען, אויב אַייער ברודער איז ניט מיט אַייך.

6 האָט ישראל געזאָגט: נאָך וואָס האָט איר מיר געטאָן די רעה, צו זאָגן דעם מאַן, אַז איר האָט נאָך אַ ברודער?

7 האָבן זיי געזאָגט: דער מאַן האָט זיך פאַנאַנדער־געפרעגט וועגן אונדז, און וועגן אונדזער משפּחה, אַזוי צו זאָגן: לעבט נאָך אַייער פאָטער? האָט איר נאָך אַ ברו־דער? און מיר האָבן אים דערציילט לויט די דאָזיקע ווערטער. זאָלן מיר גאָר וויסן, אַז ער וועט זאָגן: ברענגט אַראָפּ אַייער ברודער? 8 און יהודה האָט געזאָגט צו זיין פאָטער ישראל: שיק דעם יינגל מיט מיר, און מיר וועלן אויפשטיין און וועלן גיין, כּדי מיר זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן, אי מיר, אי דו, אי אונדזערע קליינע קינדער. 9 איך בין עָרֵב פאַר אים, פון מיין האַנט זאָלסטו אים מאָנען; אויב איך וועל דיר אים ניט ברענגען און אים אַוועקשטעלן פאַר דיר, זאָל איך זיין אַ פאַרזינדיקטער צו דיר אַלע טעג. 10 וואָרום אַז מיר וואָלטן זיך ניט אויפגעהאַלטן, וואָלטן מיר שוין אַצונד זיך געהאַט אומגעקערט צום צווייטן מאָל.

11 האָט זייער פאָטער ישראל צו זיי געזאָגט: אויב שוין יאָ אַזוי, טוט אָט־וואָס: נעמט פון די בעסטע פּרוכטן פון לאַנד אין אַייערע כּלים, און ברענגט אַראָפּ צו דעם מאַן אַ מתּנה, אַ ביסל באַלזאַם, און אַ ביסל האָניק, געווירץ, און לאַדאַן, ניס, און מאַנדלען. 12 און טאָפּל געלט נעמט מיט אין אַייער האַנט; און דאָס געלט וואָס איז אומגעקערט גע־וואָרן אין מויל פון אַייערע זעק, זאָלט איר אומקערן מיט אַייער האַנט; אפשר איז דאָס געווען אַ פאַרזע. 13 און נעמט אַייער ברודער, און שטייט אויף, גייט ווידער צו דעם מאַן. 14 און גאָט שַדַי וועט אַייך געבן דערבאַרימונג ביי דעם מאַן, און ער וועט אַייך אַוועקלאָזן אַייער אַנדער ברודער און בנימינען; און איך, אויב איך מוז אָנווערן מיינע קינדער, וועל איך אָנווערן.

הַמִּנְחָה הַזֹּאת וּמִשְׁנֶה־כֶּסֶף לָקְחוּ בְיָדָם וְאֶת־בִּנְיָמִן
וַיָּקֻמוּ וַיֵּרְדוּ מִצְרַיִם וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי יוֹסֵף׃ וַיַּרְא יוֹסֵף ששי
אִתָּם אֶת־בִּנְיָמִין וַיֹּאמֶר לַאֲשֶׁר עַל־בֵּיתוֹ הָבֵא אֶת־הָאֲנָשִׁים
הַבָּיְתָה וּטְבֹחַ טֶבַח וְהָכֵן כִּי אִתִּי יֹאכְלוּ הָאֲנָשִׁים
בַּצָּהֳרָיִם׃ וַיַּעַשׂ הָאִישׁ כַּאֲשֶׁר אָמַר יוֹסֵף וַיָּבֵא הָאִישׁ יז
אֶת־הָאֲנָשִׁים בֵּיתָה יוֹסֵף׃ וַיִּירְאוּ הָאֲנָשִׁים כִּי הוּבְאוּ יח
בֵּית יוֹסֵף וַיֹּאמְרוּ עַל־דְּבַר הַכֶּסֶף הַשָּׁב בְּאַמְתְּחֹתֵינוּ
בַּתְּחִלָּה אֲנַחְנוּ מוּבָאִים לְהִתְגֹּלֵל עָלֵינוּ וּלְהִתְנַפֵּל עָלֵינוּ
וְלָקַחַת אֹתָנוּ לַעֲבָדִים וְאֶת־חֲמֹרֵינוּ׃ וַיִּגְּשׁוּ אֶל־הָאִישׁ יט
אֲשֶׁר עַל־בֵּית יוֹסֵף וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו פֶּתַח הַבָּיִת׃ וַיֹּאמְרוּ כ
בִּי אֲדֹנִי יָרֹד יָרַדְנוּ בַּתְּחִלָּה לִשְׁבָּר־אֹכֶל׃ וַיְהִי כִּי־בָאנוּ כא
אֶל־הַמָּלוֹן וַנִּפְתְּחָה אֶת־אַמְתְּחֹתֵינוּ וְהִנֵּה כֶסֶף־אִישׁ בְּפִי
אַמְתַּחְתּוֹ כַּסְפֵּנוּ בְּמִשְׁקָלוֹ וַנָּשֶׁב אֹתוֹ בְּיָדֵנוּ׃ וְכֶסֶף אַחֵר כב
הוֹרַדְנוּ בְיָדֵנוּ לִשְׁבָּר־אֹכֶל לֹא יָדַעְנוּ מִי־שָׂם כַּסְפֵּנוּ
בְּאַמְתְּחֹתֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר שָׁלוֹם לָכֶם אַל־תִּירָאוּ אֱלֹהֵיכֶם כג
וֵאלֹהֵי אֲבִיכֶם נָתַן לָכֶם מַטְמוֹן בְּאַמְתְּחֹתֵיכֶם כַּסְפְּכֶם
בָּא אֵלָי וַיּוֹצֵא אֲלֵהֶם אֶת־שִׁמְעוֹן׃ וַיָּבֵא הָאִישׁ אֶת־ כד
הָאֲנָשִׁים בֵּיתָה יוֹסֵף וַיִּתֶּן־מַיִם וַיִּרְחֲצוּ רַגְלֵיהֶם וַיִּתֵּן
מִסְפּוֹא לַחֲמֹרֵיהֶם׃ וַיָּכִינוּ אֶת־הַמִּנְחָה עַד־בּוֹא יוֹסֵף כה
בַּצָּהֳרָיִם כִּי שָׁמְעוּ כִּי־שָׁם יֹאכְלוּ לָחֶם׃ וַיָּבֹא יוֹסֵף הַבַּיְתָה כו
וַיָּבִיאּוּ לוֹ אֶת־הַמִּנְחָה אֲשֶׁר־בְּיָדָם הַבָּיְתָה וַיִּשְׁתַּחֲווּ־לוֹ
אָרְצָה׃ וַיִּשְׁאַל לָהֶם לְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר הֲשָׁלוֹם אֲבִיכֶם כז
הַזָּקֵן אֲשֶׁר אֲמַרְתֶּם הַעוֹדֶנּוּ חָי׃ וַיֹּאמְרוּ שָׁלוֹם לְעַבְדְּךָ כח
לְאָבִינוּ עוֹדֶנּוּ חָי וַיִּקְּדוּ וַיִּשְׁתַּחֲווּ׃ וַיִּשָּׂא עֵינָיו וַיַּרְא אֶת־ כט
בִּנְיָמִין אָחִיו בֶּן־אִמּוֹ וַיֹּאמֶר הֲזֶה אֲחִיכֶם הַקָּטֹן אֲשֶׁר
אֲמַרְתֶּם אֵלָי וַיֹּאמַר אֱלֹהִים יָחְנְךָ בְּנִי׃ וַיְמַהֵר יוֹסֵף כִּי־ ל
נִכְמְרוּ רַחֲמָיו אֶל־אָחִיו וַיְבַקֵּשׁ לִבְכּוֹת וַיָּבֹא הַחַדְרָה

כו׳ א׳ דגושה  כח׳ וישתחוו קרי

15 האָבן די מענער גענומען דידאָזיקע מתּנה, און טאָפּל געלט האָבן זיי מיטגענומען אין זייער האַנט, און בנימינען, און זיי זיינען אויפגעשטאַנען און האָבן גענידערט קיין מצרים, און האָבן זיך געשטעלט פאַר יוספֿן.

16 און ווי יוסף האָט דערזען בנימינען מיט זיי, אַזוי האָט ער געזאָגט צו דעם וואָס איבער זיין הויז: ברענג אַריין די מענטשן אין הויז, און שעכט אַ שעכטונג, און גרייט צו, וואָרום די מענטשן וועלן עסן מיט מיר צו מיטאָג.
17 האָט דער מאַן געטאָן אַזוי ווי יוסף האָט געהייסן, און דער מאַן האָט אַריינגעבראַכט די מענער אין יוספֿס הויז.

18 און די מענער האָבן מורא געהאַט, ווייל זיי זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין יוספֿס הויז, און זיי האָבן געזאָגט: פֿון וועגן דעם געלט וואָס איז אומגעקערט געוואָרן אין אונדזערע זעק דאָס ערשטע מאָל, ווערן מיר אַריינגעבראַכט, כּדי זיך אַרויפצוּוואַרפֿן אויף אונדז, און אָנפֿאַלן אויף אונדז, און אונדז נעמען פֿאַר קנעכט מיט אונדזערע אייזלען.

19 האָבן זיי גענענט צו דעם מאַן וואָס איבער יוספֿס הויז, און האָבן גערעדט צו אים אין אַיינגאַנג פֿון הויז. 20 און זיי האָבן געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַר, מיר האָבן אַראָפּגענידערט דאָס ערשטע מאָל צו קויפֿן שפּייז. 21 און עס איז געווען, אַז מיר זיינען געקומען צום האַר־בעריק, און האָבן געעפֿנט אונדזערע זעק, ערשט איטלעכנס געלט איז אין מויל פֿון זיין זאַק, אונדזער געלט אין זיין פֿולער וואָג; האָבן מיר עס אָפּגעבראַכט אין אונדזער האַנט. 22 און נאָך אַנדער געלט האָבן מיר אַראָפּגעבראַכט אין אונדזער האַנט, צו קויפֿן שפּייז. מיר ווייסן ניט ווער עס האָט אַריינגעטאָן אונדזער געלט אין אונדזערע זעק.

23 האָט ער געזאָגט: פֿריד צו אייך! איר זאָלט ניט מורא האָבן; אייער גאָט, און דער גאָט פֿון אייער פֿאָטער, האָט אייך געשאָנקען אַן אוצר אין אייערע זעק; אייער געלט איז מיר אַריינגעקומען. און ער האָט אַרויסגעבראַכט צו זיי שמעונען.

24 און דער מאַן האָט אַריינגעבראַכט די מענער אין יוספֿס הויז, און ער האָט געגעבן וואַסער, און זיי האָבן גע־וואַשן זייערע פֿיס; און ער האָט געגעבן פֿוטער פֿאַר זייערע אייזלען. 25 און זיי האָבן צוגעגרייט די מתּנה אײדער יוסף וועט קומען אום מיטאָג, וואָרום זיי האָבן געהערט אַז דאָרטן וועלן זיי עסן ברויט.

26 און ווי יוסף איז געקומען אין הויז, אַזוי האָבן זיי אַריינגעבראַכט צו אים אין הויז די מתּנה וואָס אין זייער האַנט, און זיי האָבן זיך געבוקט פֿאַר אים צו דער ערד. 27 און ער האָט זיי געפֿרעגט אויף פֿריד, און ער האָט צו זיי געזאָגט: איז פֿריד צו אייער אַלטן פֿאָטער, וואָס איר האָט פֿון אים דערציילט? לעבט ער נאָך? 28 האָבן זיי געזאָגט: פֿריד איז צו דיין קנעכט אונדזער פֿאָטער, ער לעבט נאָך. און זיי האָבן זיך גענייגט און זיך געבוקט.

29 האָט ער אויפֿגעהויבן זיינע אויגן, און האָט דערזען זיין ברודער בנימינען, זיין מוטערס זון, און ער האָט געזאָגט: איז דאָס אייער יינגסטער ברודער, וואָס איר האָט מיר פֿון אים דערציילט? און ער האָט געזאָגט: זאָל דיך גאָט לייט־זעליקן, מיין זון.

30 און יוסף האָט זיך געאיילט, וואָרום זיין האַרץ האָט אים פֿאַרקלעמט אויף זיין ברודער, און ער האָט זיך געוואָלט

לא וַיִּבְךְּ שָׁמָּה׃ וַיִּרְחַץ פָּנָיו וַיֵּצֵא וַיִּתְאַפַּק וַיֹּאמֶר שִׂימוּ
לב לָחֶם׃ וַיָּשִׂימוּ לוֹ לְבַדּוֹ וְלָהֶם לְבַדָּם וְלַמִּצְרִים הָאֹכְלִים
אִתּוֹ לְבַדָּם כִּי לֹא יוּכְלוּן הַמִּצְרִים לֶאֱכֹל אֶת־הָעִבְרִים
לג לֶחֶם כִּי־תוֹעֵבָה הִוא לְמִצְרָיִם׃ וַיֵּשְׁבוּ לְפָנָיו הַבְּכֹר
כִּבְכֹרָתוֹ וְהַצָּעִיר כִּצְעִרָתוֹ וַיִּתְמְהוּ הָאֲנָשִׁים אִישׁ אֶל־
לד רֵעֵהוּ׃ וַיִּשָּׂא מַשְׂאֹת מֵאֵת פָּנָיו אֲלֵהֶם וַתֵּרֶב מַשְׂאַת בִּנְיָמִן
מִמַּשְׂאֹת כֻּלָּם חָמֵשׁ יָדוֹת וַיִּשְׁתּוּ וַיִּשְׁכְּרוּ עִמּוֹ׃

מד

א וַיְצַו אֶת־אֲשֶׁר עַל־בֵּיתוֹ לֵאמֹר מַלֵּא אֶת־אַמְתְּחֹת הָאֲנָשִׁים
אֹכֶל כַּאֲשֶׁר יוּכְלוּן שְׂאֵת וְשִׂים כֶּסֶף־אִישׁ בְּפִי אַמְתַּחְתּוֹ׃
ב וְאֶת־גְּבִיעִי גְּבִיעַ הַכֶּסֶף תָּשִׂים בְּפִי אַמְתַּחַת הַקָּטֹן וְאֵת
ג כֶּסֶף שִׁבְרוֹ וַיַּעַשׂ כִּדְבַר יוֹסֵף אֲשֶׁר דִּבֵּר׃ הַבֹּקֶר אוֹר
ד וְהָאֲנָשִׁים שֻׁלְּחוּ הֵמָּה וַחֲמֹרֵיהֶם׃ הֵם יָצְאוּ אֶת־הָעִיר
לֹא הִרְחִיקוּ וְיוֹסֵף אָמַר לַאֲשֶׁר עַל־בֵּיתוֹ קוּם רְדֹף אַחֲרֵי
הָאֲנָשִׁים וְהִשַּׂגְתָּם וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לָמָּה שִׁלַּמְתֶּם רָעָה
ה תַּחַת טוֹבָה׃ הֲלוֹא זֶה אֲשֶׁר יִשְׁתֶּה אֲדֹנִי בּוֹ וְהוּא נַחֵשׁ
ו יְנַחֵשׁ בּוֹ הֲרֵעֹתֶם אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם׃ וַיַּשִּׂגֵם וַיְדַבֵּר אֲלֵהֶם
ז אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו לָמָּה יְדַבֵּר אֲדֹנִי
ח כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה חָלִילָה לַעֲבָדֶיךָ מֵעֲשׂוֹת כַּדָּבָר הַזֶּה׃ הֵן
כֶּסֶף אֲשֶׁר מָצָאנוּ בְּפִי אַמְתְּחֹתֵינוּ הֱשִׁיבֹנוּ אֵלֶיךָ מֵאֶרֶץ
ט כְּנָעַן וְאֵיךְ נִגְנֹב מִבֵּית אֲדֹנֶיךָ כֶּסֶף אוֹ זָהָב׃ אֲשֶׁר יִמָּצֵא
אִתּוֹ מֵעֲבָדֶיךָ וָמֵת וְגַם־אֲנַחְנוּ נִהְיֶה לַאדֹנִי לַעֲבָדִים׃
י וַיֹּאמֶר גַּם־עַתָּה כְדִבְרֵיכֶם כֶּן־הוּא אֲשֶׁר יִמָּצֵא אִתּוֹ יִהְיֶה
יא לִּי עָבֶד וְאַתֶּם תִּהְיוּ נְקִיִּם׃ וַיְמַהֲרוּ וַיּוֹרִדוּ אִישׁ אֶת־
יב אַמְתַּחְתּוֹ אָרְצָה וַיִּפְתְּחוּ אִישׁ אַמְתַּחְתּוֹ׃ וַיְחַפֵּשׂ בַּגָּדוֹל
הֵחֵל וּבַקָּטֹן כִּלָּה וַיִּמָּצֵא הַגָּבִיעַ בְּאַמְתַּחַת בִּנְיָמִן׃
יג וַיִּקְרְעוּ שִׂמְלֹתָם וַיַּעֲמֹס אִישׁ עַל־חֲמֹרוֹ וַיָּשֻׁבוּ הָעִירָה׃

מד, י׳ קמץ בז״ק

פאַנאַנדערוויינען; איז ער אַריין אין קאַמער, און האָט דאָרטן געוויינט. [31] און ער האָט אָפּגעוואַשן זיין פּנים, און איז אַרויסגעגאַנגען; און ער האָט זיך איינגעהאַלטן און האָט געזאָגט: לייגט ברויט.

[32] האָט מען געלייגט פאַר אים באַזונדער, און פאַר זיי באַזונדער, און פאַר די מִצרים וואָס האָבן געגעסן ביי אים, באַזונדער, וואָרום די מִצרים קענען ניט עסן ברויט מיט די עִברים, ווייל דאָס איז אַן אומווערדיקייט ביי די מִצרים.

[33] און זיי זיינען אויסגעזעצט געוואָרן פאַר אים, דער בְּכור לויט זיין בכורהשאַפט, און דער יִנגערער לויט זיין יונגקייט; און די מענטשן האָבן זיך געוווּנדערט צווישן איינאַנדער. [34] און ער האָט זיי געלאָזט צוטראָגן חלקים פון פאַר אים, און בנימינס חלק איז געווען פינף מאָל אַזוי פיל ווי זייער איטלעכנס חלק. און זיי האָבן געטרונקען און זיך אָנגעטרונקען מיט אים.

מד [1] און ער האָט באַפוילן דעם וואָס איבער זיין הויז, אַזוי צו זאָגן: פיל אָן די זעק פון די מענטשן מיט שפייז וויפיל זיי קענען טראָגן, און טו אַריין איטלעכנס געלט אין מויל פון זיין זאַק. [2] און מיין בעכער, דעם זילבערנעם בעכער, זאָלסטו אַריינטאָן אין מויל פון דעם זאַק פון דעם יִנגסטן, מיט דעם געלט פאַר זיין תבואה.

און ער האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט וואָס יוסף האָט גערעדט.

[3] ווי דער מאָרגן האָט אויפגעלויכטן, אַזוי זיינען די מענער אַוועקגעשיקט געוואָרן, זיי און זייערע אייזלען. [4] זיי זיינען נאָרוואָס אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט, נאָך ניט געווען ווייט אַוועק, אַזוי האָט יוסף געזאָגט צו דעם וואָס איבער זיין הויז: שטיי אויף, יאָג נאָך די מענטשן, און אַז דו וועסט זיי אָניאָגן, זאָלסטו זאָגן צו זיי: פאַרוואָס האָט איר אָפּגעצאָלט אַ רעה פאַר אַ טובה? [5] דאָס איז דאָך דער וואָס מיין האַר טרינקט פון אים, און צויבערן טוט ער צויבערן מיט אים. איר האָט זיך שלעכט באַגאַנגען מיט וואָס איר האָט געטאָן.

[6] און ער האָט זיי אָנגעיאָגט, און האָט צו זיי גערעדט די דאָזיקע ווערטער. [7] האָבן זיי צו אים געזאָגט: פאַרוואָס רעדט מיין האַר אַזעלכע ווערטער? באַהיט זאָלן ווערן דיינע קנעכט פון טאָן אַזאַ זאַך! [8] זע, דאָס געלט וואָס מיר האָבן געפונען אין מויל פון אונדזערע זעק, האָבן מיר דיר אומגעקערט פון לאַנד כּנַען, היינט ווי וועלן מיר גנבען פון דיין האַרס הויז זילבער אָדער גאָלד? [9] דער יעניקער פון דיינע קנעכט וואָס ער וועט ביי אים געפונען ווערן, זאָל שטאַרבן, און אויך מיר וועלן זיין קנעכט צו מיין האַר.

[10] האָט ער געזאָגט: הגם געזאָלט האָט אַצונד זיין אַזוי ווי אַייערע ווערטער, זאָל נאָר דער וואָס ער וועט ביי אים געפונען ווערן, זיין אַ קנעכט צו מיר, און איר וועט זיין ריין.

[11] האָבן זיי אויף גיך אַראָפּגעלאָזט איטלעכער זיין זאַק אויף דער ערד, און זיי האָבן געעפנט איטלעכער זיין זאַק. [12] און ער האָט געזוכט; מיטן עלטסטן האָט ער אָנגעהויבן, און מיטן יִנגסטן האָט ער געענדיקט. און דער בעכער איז געפונען געוואָרן אין בנימינס זאַק.

[13] האָבן זיי צעריסן זייערע קליידער, און איטלעכער האָט אויפגעלאָדן זיין אייזל, און זיי האָבן זיך אומגעקערט אין

יד וַיָּבֹא יְהוּדָה וְאֶחָיו בֵּיתָה יוֹסֵף וְהוּא עוֹדֶנּוּ שָׁם וַיִּפְּלוּ
מפ׳ לְפָנָיו אָרְצָה׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם יוֹסֵף מָה־הַמַּעֲשֶׂה הַזֶּה אֲשֶׁר
עֲשִׂיתֶם הֲלוֹא יְדַעְתֶּם כִּי־נַחֵשׁ יְנַחֵשׁ אִישׁ אֲשֶׁר כָּמֹנִי׃
טז וַיֹּאמֶר יְהוּדָה מַה־נֹּאמַר לַאדֹנִי מַה־נְּדַבֵּר וּמַה־נִּצְטַדָּק
הָאֱלֹהִים מָצָא אֶת־עֲוֺן עֲבָדֶיךָ הִנֶּנּוּ עֲבָדִים לַאדֹנִי גַּם־
יז אֲנַחְנוּ גַּם אֲשֶׁר־נִמְצָא הַגָּבִיעַ בְּיָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר חָלִילָה לִּי
מֵעֲשׂוֹת זֹאת הָאִישׁ אֲשֶׁר נִמְצָא הַגָּבִיעַ בְּיָדוֹ הוּא יִהְיֶה־לִּי
עָבֶד וְאַתֶּם עֲלוּ לְשָׁלוֹם אֶל־אֲבִיכֶם׃ ס

[14] און יהודה איז געקומען מיט זיינע ברידער אין יוספס הויז; און ער איז נאָך דאָרטן געווען. און זיי זיינען געפאַלן פאַר אים צו דער ערד.

[15] האָט יוסף צו זיי געזאָגט: וואָס איז דאָס פאַר אַ טואונג וואָס איר האָט געטאָן? האָט איר ניט געוווסט אַז צויבערן טוט צויבערן אַזאַ מאַן ווי איך?

[16] האָט יהודה געזאָגט: וואָס זאָלן מיר זאָגן צו מיין האַר, וואָס זאָלן מיר רעדן, און וואָס זאָלן מיר זיך פאַרענטפערן? גאָט האָט געפונען די זינד פון דיינע קנעכט. אָט זיינען מיר קנעכט צו מיין האַר, אי מיר, אי דער וואָס דער בעכער איז געפונען געוואָרן אין זיין האַנט.

[17] האָט ער געזאָגט: חלילה מיר דאָס צו טאָן! דער מאַן וואָס דער בעכער איז געפונען געוואָרן אין זיין האַנט, ער זאָל זיין אַ קנעכט צו מיר, און איר גייט אַרויף בשלום צו אייער פאָטער.

# וַיִּגַּשׁ

יח וַיִּגַּשׁ אֵלָיו יְהוּדָה וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי יְדַבֶּר־נָא עַבְדְּךָ דָבָר
בְּאָזְנֵי אֲדֹנִי וְאַל־יִחַר אַפְּךָ בְּעַבְדֶּךָ כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה׃
יט אֲדֹנִי שָׁאַל אֶת־עֲבָדָיו לֵאמֹר הֲיֵשׁ־לָכֶם אָב אוֹ־אָח׃
כ וַנֹּאמֶר אֶל־אֲדֹנִי יֶשׁ־לָנוּ אָב זָקֵן וְיֶלֶד זְקֻנִים קָטָן וְאָחִיו
כא מֵת וַיִּוָּתֵר הוּא לְבַדּוֹ לְאִמּוֹ וְאָבִיו אֲהֵבוֹ׃ וַתֹּאמֶר אֶל־
כב עֲבָדֶיךָ הוֹרִדֻהוּ אֵלָי וְאָשִׂימָה עֵינִי עָלָיו׃ וַנֹּאמֶר אֶל־
אֲדֹנִי לֹא־יוּכַל הַנַּעַר לַעֲזֹב אֶת־אָבִיו וְעָזַב אֶת־אָבִיו וָמֵת׃
כג וַתֹּאמֶר אֶל־עֲבָדֶיךָ אִם־לֹא יֵרֵד אֲחִיכֶם הַקָּטֹן אִתְּכֶם לֹא
כד תֹסִפוּן לִרְאוֹת פָּנָי׃ וַיְהִי כִּי עָלִינוּ אֶל־עַבְדְּךָ אָבִי וַנַּגֶּד־
כה לוֹ אֵת דִּבְרֵי אֲדֹנִי׃ וַיֹּאמֶר אָבִינוּ שֻׁבוּ שִׁבְרוּ־לָנוּ מְעַט־
כו אֹכֶל׃ וַנֹּאמֶר לֹא נוּכַל לָרֶדֶת אִם־יֵשׁ אָחִינוּ הַקָּטֹן אִתָּנוּ
וְיָרַדְנוּ כִּי־לֹא נוּכַל לִרְאוֹת פְּנֵי הָאִישׁ וְאָחִינוּ הַקָּטֹן
כז אֵינֶנּוּ אִתָּנוּ׃ וַיֹּאמֶר עַבְדְּךָ אָבִי אֵלֵינוּ אַתֶּם יְדַעְתֶּם כִּי
כח שְׁנַיִם יָלְדָה־לִּי אִשְׁתִּי׃ וַיֵּצֵא הָאֶחָד מֵאִתִּי וָאֹמַר אַךְ
כט טָרֹף טֹרָף וְלֹא רְאִיתִיו עַד־הֵנָּה׃ וּלְקַחְתֶּם גַּם־אֶת־זֶה
מֵעִם פָּנַי וְקָרָהוּ אָסוֹן וְהוֹרַדְתֶּם אֶת־שֵׂיבָתִי בְּרָעָה
ל שְׁאֹלָה׃ וְעַתָּה כְּבֹאִי אֶל־עַבְדְּךָ אָבִי וְהַנַּעַר אֵינֶנּוּ אִתָּנוּ
שני וְנַפְשׁוֹ קְשׁוּרָה בְנַפְשׁוֹ׃ וְהָיָה כִּרְאוֹתוֹ כִּי־אֵין הַנַּעַר וָמֵת

יז׳ קמץ בזיק

[18] האָט יהודה גענענט צו אים, און האָט געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַר, זאָל אַקאָרשט דיין קנעכט רעדן אַ וואָרט אין די אויערן פון מיין האַר, און זאָל דיין צאָרן ניט גרימען אויף דיין קנעכט; וואָרום דו ביסט אַזוי ווי פּרעה. [19] מיין האַר האָט געפרעגט זיינע קנעכט, אַזוי צו זאָגן: האָט איר אַ פאָטער אָדער אַ ברודער? [20] און מיר האָבן געזאָגט צו מיין האַר: מיר האָבן אַן אַלטן פאָטער, און אַ קליינעם בדזקונים, וואָס זיין ברודער איז טויט, און ער אַליין איז געבליבן פון זיין מוטער, און זיין פאָטער האָט אים ליב. [21] האָסטו געזאָגט צו דיינע קנעכט: ברענגט אים אַראָפּ צו מיר, איך זאָל טאָן מיין אויג אויף אים. [22] האָבן מיר געזאָגט צו מיין האַר: דער יינגל קען ניט פאַרלאָזן זיין פאָטער, וואָרום אַז ער וועט פאַרלאָזן זיין פאָטער, וועט דער שטאַרבן. [23] האָסטו געזאָגט צו דיינע קנעכט: אויב אַייער יינגסטער ברודער וועט ניט אַראָפּנידערן מיט אַייך, זאָלט איר מער מיין פּנים ניט זען. [24] און עס איז געווען, אַז מיר זיינען אַרויפגעקומען צו דיין קנעכט, אונדזער פאָטער, האָבן מיר אים דערציילט די ווערטער פון אונדזער האַר. [25] און אַז אונדזער פאָטער האָט געזאָגט: גייט ווידער, קויפט אונדז אַ ביסל שפּייז, [26] האָבן מיר געזאָגט: מיר קענען ניט אַראָפּנידערן; נאָר אויב אונדזער יינגסטער ברודער וועט זיין מיט אונדז, וועלן מיר אַראָפּנידערן, וואָרום מיר קענען ניט זען דעם מאַנס פּנים, אַחוץ אונדזער יינגסטער ברודער איז מיט אונדז. [27] האָט דיין קנעכט, אונדזער פאָטער, צו אונדז געזאָגט: איר ווייסט אַז צוויי האָט מיר מיין ווייב געבאָרן. [28] און איינער איז אַוועקגעגאַנגען פון מיר, און איך האָב געזאָגט: פאַרוואָר, פאַרצוקן איז ער פאַרצוקט געוואָרן; און איך האָב אים ניט געזען ביז אַצונד. [29] און אַז איר וועט אַוועקנעמען אויך דעמדאָזיקן פון מיין פּנים, און אים וועט טרעפן אַן אומגליק, וועט איר מאַכן נידערן מיינע גראָע האָר מיט קומער אין קבר. [30] און אַצונד אַז איך וועל קומען צו דיין קנעכט, מיין פאָטער, און דער יינגל איז מיט אונדז ניטא, אַזוי ווי זיין זעל איז צוגעבונדן צו זיין זעל, [31] איז, ווי ער וועט זען אַז דער יינגל איז ניטאָ, אַזוי וועט ער שטאַרבן,

און דיינע קנעכט וועלן מאַכן נידערן די גראָע האָר פון דיין קנעכט, אונדזער פאָטער, מיט טרויער אין קבר. [32] וואָרום דיין קנעכט איז ערב געווען פאַר דעם יינגל צו זיין פאָטער, אַזוי צו זאָגן: אויב איך וועל דיר אים ניט ברענגען, זאָל איך זיין אַ פאַרזינדיקטער צו מיין פאָטער אַלע טעג. [33] און אַצונד, איך בעט דיך, זאָל דיין קנעכט בלייבן אָנשטאָט דעם יינגל, אַ קנעכט צו מיין האַר, און דער יינגל זאָל אַרויפגיין מיט זיינע ברידער. [34] וואָרום ווי קען איך אַרויפגיין צו מיין פאָטער, אַז דער יינגל איז ניט מיט מיר? איך וועל חלילה צוזען דאָס בייז וואָס וועט טרעפן מיין פאָטער.

## מה

[1] און יוסף האָט זיך ניט געקענט אײַנהאַלטן פאַר אַלע וואָס זיינען געשטאַנען לעבן אים, און ער האָט אויסגערופן: פירט אַרויס אַלע מענטשן פון מיר. און קיין מענטש איז ניט געשטאַנען לעבן אים, ווען יוסף האָט זיך דערקענט צו זיינע ברידער. [2] און ער האָט אַרויסגעלאָזט זיין קול אין געוויין, און די מִצרים האָבן געהערט; און דאָס הויז פון פּרעהן האָט געהערט דערפון.

[3] און יוסף האָט געזאָגט צו זיינע ברידער: איך בין יוסף; לעבט נאָך מיין פאָטער? און זיינע ברידער האָבן אים ניט געקענט ענטפערן, וואָרום זיי האָבן זיך דער־שראָקן פאַר אים.

[4] האָט יוסף געזאָגט צו זיינע ברידער: גענענט צו מיר, איך בעט אײַך. האָבן זיי גענענט. און ער האָט געזאָגט: איך בין אײַער ברודער יוסף, וואָס איר האָט מיך פאַר־קויפט קיין מִצרַיִם. [5] און אַצונד זאָלט איר אײַך ניט קלעמען, און זאָל ניט פאַרדריסן אין אײַערע אויגן, וואָס איר האָט מיך פאַרקויפט אַהער, וואָרום צו דערהאַלטן לעבנס האָט מיך גאָט געשיקט אײַך פאַרויס. [6] וואָרום שוין צוויי יאָר אַז דער הונגער איז אין לאַנד, און נאָך פינף יאָר וועלן זיין, וואָס עס וועט ניט זיין קיין אַקער און קיין שניט. [7] און גאָט האָט מיך געשיקט אײַך פאַרויס, כדי אײַך צו לאָזן אַן איבערבלייב אויף דער ערד, און אײַך צו דערהאַלטן ביים לעבן דורך אַ גרויסער ישועה. [8] און אַצונד, ניט איר האָט מיך אַהער געשיקט, נייערט גאָט; און ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַ פאָטער צו פּרעהן, און פאַר אַ האַר אויף זיין גאַנצן הויז, און פאַר אַ געוועלטיקער איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. [9] אײַלט און גייט אַרויף צו מיין פאָטער, און איר זאָלט זאָגן צו אים: אַזוי האָט געזאָגט דיין זון יוסף: גאָט האָט מיך געמאַכט פאַר אַ האַר איבער גאַנץ מִצרַיִם; נידער אַראָפּ צו מיר, זאָלסט זיך ניט אויפהאַלטן. [10] און וועסט זיצן אין לאַנד גושן, און וועסט זיין נאָענט צו מיר, דו און דיינע קינדער און דיינע קינדערס קינדער, און דיינע שאָף, און דיינע רינדער, און אַלץ וואָס דו האָסט. [11] און איך וועל דיך דאָרטן אויסהאַלטן; וואָרום נאָך פינף יאָר וועט זיין דער הונגער; כדי זאָלסט ניט אומקומען, דו און דיין הויזגעזינט און אַלץ וואָס דו האָסט. [12] און אָט זעען אײַערע אויגן, און די אויגן פון מיין ברודער בנימינען, אַז מיין מויל רעדט דאָס צו אײַך. [13] און איר זאָלט דערציילן מיין פאָטער מיין גאַנצן כבוד אין מִצרַיִם, און אַלץ וואָס איר האָט געזען, און

וְהוֹרִידוּ עֲבָדֶיךָ אֶת־שֵׂיבַת עַבְדְּךָ אָבִינוּ בְּיָגוֹן שְׁאֹלָה׃
לב כִּי עַבְדְּךָ עָרַב אֶת־הַנַּעַר מֵעִם אָבִי לֵאמֹר אִם־לֹא אֲבִיאֶנּוּ
לג אֵלֶיךָ וְחָטָאתִי לְאָבִי כָּל־הַיָּמִים׃ וְעַתָּה יֵשֶׁב־נָא עַבְדְּךָ
לד תַּחַת הַנַּעַר עֶבֶד לַאדֹנִי וְהַנַּעַר יַעַל עִם־אֶחָיו׃ כִּי־אֵיךְ
אֶעֱלֶה אֶל־אָבִי וְהַנַּעַר אֵינֶנּוּ אִתִּי פֶּן אֶרְאֶה בָרָע אֲשֶׁר
יִמְצָא אֶת־אָבִי׃

מה

א וְלֹא־יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק לְכֹל הַנִּצָּבִים עָלָיו וַיִּקְרָא
הוֹצִיאוּ כָל־אִישׁ מֵעָלָי וְלֹא־עָמַד אִישׁ אִתּוֹ בְּהִתְוַדַּע יוֹסֵף
ב אֶל־אֶחָיו׃ וַיִּתֵּן אֶת־קֹלוֹ בִּבְכִי וַיִּשְׁמְעוּ מִצְרַיִם וַיִּשְׁמַע
ג בֵּית פַּרְעֹה׃ וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־אֶחָיו אֲנִי יוֹסֵף הַעוֹד אָבִי
ד חָי וְלֹא־יָכְלוּ אֶחָיו לַעֲנוֹת אֹתוֹ כִּי נִבְהֲלוּ מִפָּנָיו׃ וַיֹּאמֶר
יוֹסֵף אֶל־אֶחָיו גְּשׁוּ־נָא אֵלַי וַיִּגָּשׁוּ וַיֹּאמֶר אֲנִי יוֹסֵף אֲחִיכֶם
ה אֲשֶׁר־מְכַרְתֶּם אֹתִי מִצְרָיְמָה׃ וְעַתָּה | אַל־תֵּעָצְבוּ וְאַל־
יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי־מְכַרְתֶּם אֹתִי הֵנָּה כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחַנִי
ו אֱלֹהִים לִפְנֵיכֶם׃ כִּי־זֶה שְׁנָתַיִם הָרָעָב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ
ז וְעוֹד חָמֵשׁ שָׁנִים אֲשֶׁר אֵין־חָרִישׁ וְקָצִיר׃ וַיִּשְׁלָחֵנִי
אֱלֹהִים לִפְנֵיכֶם לָשׂוּם לָכֶם שְׁאֵרִית בָּאָרֶץ וּלְהַחֲיוֹת לָכֶם
של׳ לִפְלֵיטָה גְּדֹלָה׃ וְעַתָּה לֹא־אַתֶּם שְׁלַחְתֶּם אֹתִי הֵנָּה כִּי
הָאֱלֹהִים וַיְשִׂימֵנִי לְאָב לְפַרְעֹה וּלְאָדוֹן לְכָל־בֵּיתוֹ וּמֹשֵׁל
ט בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ מַהֲרוּ וַעֲלוּ אֶל־אָבִי וַאֲמַרְתֶּם אֵלָיו
כֹּה אָמַר בִּנְךָ יוֹסֵף שָׂמַנִי אֱלֹהִים לְאָדוֹן לְכָל־מִצְרָיִם
י רְדָה אֵלַי אַל־תַּעֲמֹד׃ וְיָשַׁבְתָּ בְאֶרֶץ־גֹּשֶׁן וְהָיִיתָ קָרוֹב
אֵלַי אַתָּה וּבָנֶיךָ וּבְנֵי בָנֶיךָ וְצֹאנְךָ וּבְקָרְךָ וְכָל־אֲשֶׁר־לָךְ׃
יא וְכִלְכַּלְתִּי אֹתְךָ שָׁם כִּי־עוֹד חָמֵשׁ שָׁנִים רָעָב פֶּן־תִּוָּרֵשׁ
יב אַתָּה וּבֵיתְךָ וְכָל־אֲשֶׁר־לָךְ׃ וְהִנֵּה עֵינֵיכֶם רֹאוֹת וְעֵינֵי
יג אָחִי בִנְיָמִין כִּי־פִי הַמְדַבֵּר אֲלֵיכֶם׃ וְהִגַּדְתֶּם לְאָבִי
אֶת־כָּל־כְּבוֹדִי בְּמִצְרַיִם וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר רְאִיתֶם וּמִהַרְתֶּם

יד וְהוֹרַדְתֶּם אֶת־אָבִי הֵנָּה׃ וַיִּפֹּל עַל־צַוְּארֵי בִנְיָמִן־אָחִיו וַיֵּבְךְּ
טו וּבִנְיָמִן בָּכָה עַל־צַוָּארָיו׃ וַיְנַשֵּׁק לְכָל־אֶחָיו וַיֵּבְךְּ עֲלֵהֶם
טז וְאַחֲרֵי כֵן דִּבְּרוּ אֶחָיו אִתּוֹ׃ וְהַקֹּל נִשְׁמַע בֵּית פַּרְעֹה
לֵאמֹר בָּאוּ אֲחֵי יוֹסֵף וַיִּיטַב בְּעֵינֵי פַרְעֹה וּבְעֵינֵי עֲבָדָיו׃
יז וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־יוֹסֵף אֱמֹר אֶל־אַחֶיךָ זֹאת עֲשׂוּ טַעֲנוּ
יח אֶת־בְּעִירְכֶם וּלְכוּ־בֹאוּ אַרְצָה כְּנָעַן׃ וּקְחוּ אֶת־אֲבִיכֶם
וְאֶת־בָּתֵּיכֶם וּבֹאוּ אֵלָי וְאֶתְּנָה לָכֶם אֶת־טוּב אֶרֶץ מִצְרַיִם
יט וְאִכְלוּ אֶת־חֵלֶב הָאָרֶץ׃ וְאַתָּה צֻוֵּיתָה זֹאת עֲשׂוּ קְחוּ־
לָכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם עֲגָלוֹת לְטַפְּכֶם וְלִנְשֵׁיכֶם וּנְשָׂאתֶם
כ אֶת־אֲבִיכֶם וּבָאתֶם׃ וְעֵינְכֶם אַל־תָּחֹס עַל־כְּלֵיכֶם כִּי־
כא טוּב כָּל־אֶרֶץ מִצְרַיִם לָכֶם הוּא׃ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וַיִּתֵּן לָהֶם יוֹסֵף עֲגָלוֹת עַל־פִּי פַרְעֹה וַיִּתֵּן לָהֶם צֵדָה
כב לַדָּרֶךְ׃ לְכֻלָּם נָתַן לָאִישׁ חֲלִפוֹת שְׂמָלֹת וּלְבִנְיָמִן נָתַן
כג שְׁלֹשׁ מֵאוֹת כֶּסֶף וְחָמֵשׁ חֲלִפֹת שְׂמָלֹת׃ וּלְאָבִיו שָׁלַח
כְּזֹאת עֲשָׂרָה חֲמֹרִים נֹשְׂאִים מִטּוּב מִצְרָיִם וְעֶשֶׂר אֲתֹנֹת
כד נֹשְׂאֹת בָּר וָלֶחֶם וּמָזוֹן לְאָבִיו לַדָּרֶךְ׃ וַיְשַׁלַּח אֶת־אֶחָיו
כה וַיֵּלֵכוּ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַל־תִּרְגְּזוּ בַּדָּרֶךְ׃ וַיַּעֲלוּ מִמִּצְרָיִם
כו וַיָּבֹאוּ אֶרֶץ כְּנַעַן אֶל־יַעֲקֹב אֲבִיהֶם׃ וַיַּגִּדוּ לוֹ לֵאמֹר עוֹד
יוֹסֵף חַי וְכִי־הוּא מֹשֵׁל בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם וַיָּפָג לִבּוֹ כִּי לֹא־
כז הֶאֱמִין לָהֶם׃ וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו אֵת כָּל־דִּבְרֵי יוֹסֵף אֲשֶׁר דִּבֶּר
אֲלֵהֶם וַיַּרְא אֶת־הָעֲגָלוֹת אֲשֶׁר־שָׁלַח יוֹסֵף לָשֵׂאת אֹתוֹ
כח וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם׃ וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל רַב עוֹד־יוֹסֵף
בְּנִי חָי אֵלְכָה וְאֶרְאֶנּוּ בְּטֶרֶם אָמוּת׃

מו

א וַיִּסַּע יִשְׂרָאֵל וְכָל־אֲשֶׁר־לוֹ וַיָּבֹא בְּאֵרָה שָּׁבַע וַיִּזְבַּח זְבָחִים
ב לֵאלֹהֵי אָבִיו יִצְחָק׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים ׀ לְיִשְׂרָאֵל בְּמַרְאֹת
ג הַלַּיְלָה וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב ׀ יַעֲקֹב וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי׃ וַיֹּאמֶר אָנֹכִי

מה,כה׳ סבירין ארצה

איר זאָלט אײַלן און אַראָפּברענגען מײַן פאָטער אַהער.

14 און ער איז געפאַלן אויפן האַלדז פון זײַן ברודער בנימינען, און האָט געוויינט, און בנימין האָט געוויינט אויף זײַן האַלדז. 15 און ער האָט געקושט אַלע זײַנע ברידער, און האָט געוויינט אויף זיי, און דערנאָך האָבן זײַנע ברידער גערעדט מיט אים.

16 און דער קלאַנג איז געהערט געוואָרן אין פּרעהס הויז, אַזוי צו זאָגן: יוספס ברידער זײַנען געקומען; און עס איז וווילגעפעלן אין די אויגן פון פּרעהן, און אין די אויגן פון זײַנע קנעכט.

17 און פּרעה האָט געזאָגט צו יוספן: זאָג צו דײַנע ברידער: טוט אַט־וואָס: לאָדט אָן אײַערע בהמות, און גייט, קומט קיין לאַנד כּנַעַן, 18 און נעמט אײַער פאָטער, און אײַערע הויזגעזינטן, און קומט צו מיר, און איך וועל אײַך געבן דאָס בעסטע פון לאַנד מִצרַיִם, און עסט דאָס פעטס פון לאַנד. 19 און דו ווערסט באַפוילן, טוט אַט־וואָס: נעמט אײַך פון לאַנד מִצרַיִם וועגן פאַר אײַערע קליינע קינדער, און פאַר אײַערע ווײַבער, און איר זאָלט אַרויפנעמען אײַער פאָטער און קומען. 20 און אײַער אויג זאָל זיך ניט קימערן אום אײַערע זאַכן, וואָרום דאָס בעסטע פון גאַנצן לאַנד מִצרַיִם איז אײַערס.

21 האָבן די זין פון ישׂראלן אַזוי געטאָן, און יוסף האָט זיי געגעבן וועגן, לויט דעם מויל פון פּרעהן, און ער האָט זיי געגעבן שפּײַז אויפן וועג. 22 זיי אַלעמען האָט ער געגעבן גאַנגען קליידער פּאַר איטלעכן, און בנימינען האָט ער געגעבן דריי הונדערט זילבערשטיק, און פינף גאַנג קליידער. 23 און צו זײַן פאָטער האָט ער דעסגלײַכן געשיקט צען אייזלען באַלאָדן מיטן בעסטן פון מִצרַיִם, און צען אייזעלינס באַלאָדן מיט תּבואה און ברויט, און שפּײַז פאַר זײַן פאָטער אויפן וועג. 24 און ער האָט אַוועקגעשיקט זײַנע ברידער, און זיי זײַנען אַוועקגעגאַנגען; און ער האָט זיי אָנגעזאָגט: איר זאָלט אײַך ניט קריגן אויפן וועג.

25 און זיי זײַנען אַרויפגעגאַנגען פון מִצרַיִם, און זײַנען געקומען קיין לאַנד כּנַעַן צו זייער פאָטער יעקבן. 26 און זיי האָבן אים דערציילט, אַזוי צו זאָגן: יוסף לעבט נאָך; און אַז ער געוועלטיקט איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. איז זײַן האַרץ פאַרקילט געוואָרן, וואָרום ער האָט זיי ניט געגלויבט. 27 האָבן זיי אים דערציילט אַלע ווערטער פון יוספן, וואָס ער האָט צו זיי גערעדט, און ער האָט געזען די וועגן וואָס יוסף האָט געשיקט אים צו פירן, און דער גייסט פון זייער פאָטער יעקבן האָט אָפּגעלעבט. 28 און ישׂראל האָט געזאָגט: גענוג! מײַן זון יוסף לעבט נאָך; איך וועל גיין און וועל אים זען איידער איך שטאַרב.

מו 1 און ישׂראל האָט אַוועקגעצויגן מיט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, און איז געקומען קיין באר־שבע, און ער האָט געשלאַכט שלאַכטאָפּפער צו דעם גאָט פון זײַן פאָטער יצחקן. 2 און גאָט האָט גערעדט צו ישׂראלן אין זעאונגען פון דער נאַכט, און האָט געזאָגט: יעקב, יעקב! האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך. 3 האָט ער געזאָגט: איך בין

גאָט, דער גאָט פון דיין פאָטער, זאָלסט ניט מורא האָבן
אַראָפּצונידערן קיין מִצרַיִם, וואָרום פאַר אַ גרויס פאָלק
וועל איך דיך דאָרטן מאַכן. [4] איך וועל אַראָפּנידערן
מיט דיר קיין מִצרַיִם, און אויך אַרויפּברענגען וועל איך
דיך אַרויפּברענגען. און יוסף וועט אַרויפּטאָן זיין האַנט
אויף דיינע אויגן.

[5] און יעקב איז אויפגעשטאַנען פון באֵר־שֶבַע, און
די קינדער פון ישראל האָבן געפירט זייער פאָטער
יעקבן, און זייערע קליינע קינדער, און זייערע ווייבער,
אויף די וועגן וואָס פּרעה האָט געשיקט אים צו פירן.
[6] און זיי האָבן גענומען זייערע פי, און זייער פאַרמעג וואָס
זיי האָבן אָנגעקליבן אין לאַנד כּנַעַן, און זיי זיינען געקומען
קיין מִצרַיִם, יעקב און אַלע זיינע קינדער מיט אים; [7] זיינע
זין און זיינע זינס זין מיט אים, זיינע טעכטער, און זיינע
זינס טעכטער, און אַלע זיינע קינדער, האָט ער געבראַכט
מיט זיך קיין מִצרַיִם.

[8] און דאָס זיינען די נעמען פון די קינדער פון ישראל
וואָס זיינען געקומען קיין מִצרַיִם, יעקב און זיינע קינדער:
יעקבס בכָור ראובן. [9] און די זין פון ראובֵנען: חַנוֹך,
און פַּלוּא, און חֶצרוֹן, און כַּרמי. [10] און די זין פון שמעונען:
ימוּאֵל, און יָמין, און אוהַד, און יָכין, און צוחַר, און שָאוּל
דער זון פון אַ כּנַעֲנית. [11] און די זין פון לֵוין: גֵרשוֹן,
קהָת, און מרָרי. [12] און די זין פון יהודהן: עֵר, און אוֹנָן,
און שֵלָה, און פֶּרֶץ, און זֶרַח; און עֵר און אוֹנָן זיינען געשטאָרבן אין לאַנד כּנַעַן. און די זין פון פֶּרֶצן זיינען געווען חֶצרוֹן
און חָמוּל. [13] און די זין פון יִששָׂכָרן: תּוֹלָע, און פּוּוָה, און יוֹב, און שִמרוֹן. [14] און די זין פון זבולונען: סֶרֶד,
און אֵלוֹן, און יַחלאֵל. [15] דאָס זיינען די זין פון לאהן, וואָס זי האָט געבאָרן יעקבן אין פַּדַן־אַרָם; דערצו זיין
טאָכטער דינה; אַלע נפשות פון זיינע זין און זיינע טעכטער, דריי און דרייסיק. [16] און די זין פון גָדן זיינען
געווען צִפיוֹן, און חַגי, שוּני, און אֶצבּוֹן, עֵרי, און אַרוֹדי, און אַראֵלי. [17] און די קינדער פון אָשֵרן: יִמנָה, און יִשוָה, און
יִשוִי, און בּריעָה, און זייער שוועסטער שֶׂרַח; און די זין פון בּריעָהן: חֶבֶר און מַלכּיאֵל. [18] דאָס זיינען די זין פון זִלפָּהן,
וואָס לָבָן האָט געגעבן זיין טאָכטער לאהן, און דידאָזיקע האָט זי געבאָרן יעקבן—זעכצן נפשות. [19] די זין פון יעקבס
ווייב רחלען זיינען געווען יוסף און בנימין. [20] און ביי יוספן זיינען געבאָרן געוואָרן אין לאַנד מִצרַיִם מנשה און אפרים,
וואָס אָסנַת די טאָכטער פון פּוֹטי־פֶרַע דעם פּריסטער פון אוֹן האָט אים געבאָרן. [21] און די זין פון בנימינען זיינען געווען
בֶּלַע, און בֶּכֶר, און אַשבֵּל, גֵרָא, און נַעֲמָן, אֵחי, און ראש, מוּפּים, און חוּפּים, און אָרד. [22] דאָס זיינען די זין פון רחלען,
וואָס זיינען געבאָרן געוואָרן ביי יעקבן: אַלע נפשות, פערצן. [23] און די זין פון דָנען: חוּשים. [24] און די זין פון נפתּלין:
יַחצאֵל, און גוּני, און יֵצֶר, און שִלֵם. [25] דאָס זיינען די זין פון בִּלהָהן, וואָס לָבָן האָט געגעבן זיין טאָכטער רחלען, און
דידאָזיקע האָט זי געבאָרן יעקבן; אַלע נפשות, זיבן.

[26] אַלע נפשות פון יעקבן וואָס זיינען געקומען קיין מִצרַיִם, די וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון זיין דיך,

הָאֵל אֱלֹהֵי אָבִיךָ אַל־תִּירָא מֵרְדָה מִצְרַיְמָה כִּי־לְגוֹי גָּדוֹל
ד אֲשִׂימְךָ שָׁם׃ אָנֹכִי אֵרֵד עִמְּךָ מִצְרַיְמָה וְאָנֹכִי אַעַלְךָ
ה גַם־עָלֹה וְיוֹסֵף יָשִׁית יָדוֹ עַל־עֵינֶיךָ׃ וַיָּקָם יַעֲקֹב מִבְּאֵר
שָׁבַע וַיִּשְׂאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־יַעֲקֹב אֲבִיהֶם וְאֶת־טַפָּם
וְאֶת־נְשֵׁיהֶם בָּעֲגָלוֹת אֲשֶׁר־שָׁלַח פַּרְעֹה לָשֵׂאת אֹתוֹ׃
ו וַיִּקְחוּ אֶת־מִקְנֵיהֶם וְאֶת־רְכוּשָׁם אֲשֶׁר רָכְשׁוּ בְּאֶרֶץ כְּנַעַן
ז וַיָּבֹאוּ מִצְרָיְמָה יַעֲקֹב וְכָל־זַרְעוֹ אִתּוֹ׃ בָּנָיו וּבְנֵי בָנָיו אִתּוֹ
בְּנֹתָיו וּבְנוֹת בָּנָיו וְכָל־זַרְעוֹ הֵבִיא אִתּוֹ מִצְרָיְמָה׃ ס
חמ׳ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרַיְמָה יַעֲקֹב וּבָנָיו
ט בְּכֹר יַעֲקֹב רְאוּבֵן׃ וּבְנֵי רְאוּבֵן חֲנוֹךְ וּפַלּוּא וְחֶצְרֹן וְכַרְמִי׃
י וּבְנֵי שִׁמְעוֹן יְמוּאֵל וְיָמִין וְאֹהַד וְיָכִין וְצֹחַר וְשָׁאוּל בֶּן־
יא יב הַכְּנַעֲנִית׃ וּבְנֵי לֵוִי גֵּרְשׁוֹן קְהָת וּמְרָרִי׃ וּבְנֵי יְהוּדָה עֵר
וְאוֹנָן וְשֵׁלָה וָפֶרֶץ וָזָרַח וַיָּמָת עֵר וְאוֹנָן בְּאֶרֶץ כְּנַעַן וַיִּהְיוּ בְנֵי־
יג פֶרֶץ חֶצְרֹן וְחָמוּל׃ וּבְנֵי יִשָּׂשכָר תּוֹלָע וּפֻוָּה וְיוֹב וְשִׁמְרֹן׃
יד טו וּבְנֵי זְבֻלוּן סֶרֶד וְאֵלוֹן וְיַחְלְאֵל׃ אֵלֶּה ׀ בְּנֵי לֵאָה אֲשֶׁר יָלְדָה
לְיַעֲקֹב בְּפַדַּן אֲרָם וְאֵת דִּינָה בִתּוֹ כָּל־נֶפֶשׁ בָּנָיו וּבְנוֹתָיו
טז שְׁלֹשִׁים וְשָׁלֹשׁ׃ וּבְנֵי גָד צִפְיוֹן וְחַגִּי שׁוּנִי וְאֶצְבֹּן עֵרִי
יז וַאֲרוֹדִי וְאַרְאֵלִי׃ וּבְנֵי אָשֵׁר יִמְנָה וְיִשְׁוָה וְיִשְׁוִי וּבְרִיעָה
יח וְשֶׂרַח אֲחֹתָם וּבְנֵי בְרִיעָה חֶבֶר וּמַלְכִּיאֵל׃ אֵלֶּה בְּנֵי זִלְפָּה
אֲשֶׁר־נָתַן לָבָן לְלֵאָה בִתּוֹ וַתֵּלֶד אֶת־אֵלֶּה לְיַעֲקֹב שֵׁשׁ
יט כ עֶשְׂרֵה נָפֶשׁ׃ בְּנֵי רָחֵל אֵשֶׁת יַעֲקֹב יוֹסֵף וּבִנְיָמִן׃ וַיִּוָּלֵד
לְיוֹסֵף בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם אֲשֶׁר יָלְדָה־לּוֹ אָסְנַת בַּת־פּוֹטִי פֶרַע
כא כֹּהֵן אֹן אֶת־מְנַשֶּׁה וְאֶת־אֶפְרָיִם׃ וּבְנֵי בִנְיָמִן בֶּלַע וָבֶכֶר
כב וְאַשְׁבֵּל גֵּרָא וְנַעֲמָן אֵחִי וָרֹאשׁ מֻפִּים וְחֻפִּים וָאָרְדְּ׃ אֵלֶּה
בְּנֵי רָחֵל אֲשֶׁר יֻלַּד לְיַעֲקֹב כָּל־נֶפֶשׁ אַרְבָּעָה עָשָׂר׃
כג כד וּבְנֵי־דָן חֻשִׁים׃ וּבְנֵי נַפְתָּלִי יַחְצְאֵל וְגוּנִי וְיֵצֶר וְשִׁלֵּם׃
כה אֵלֶּה בְּנֵי בִלְהָה אֲשֶׁר־נָתַן לָבָן לְרָחֵל בִּתּוֹ וַתֵּלֶד אֶת־
כו אֵלֶּה לְיַעֲקֹב כָּל־נֶפֶשׁ שִׁבְעָה׃ כָּל־הַנֶּפֶשׁ הַבָּאָה לְיַעֲקֹב

מִצְרַיְמָה יֹצְאֵי יְרֵכוֹ מִלְּבַד נְשֵׁי בְנֵי־יַעֲקֹב כָּל־נֶפֶשׁ שִׁשִּׁים
וָשֵׁשׁ׃ וּבְנֵי יוֹסֵף אֲשֶׁר־יֻלַּד־לוֹ בְמִצְרַיִם נֶפֶשׁ שְׁנָיִם כָּל־ כז
הַנֶּפֶשׁ לְבֵית־יַעֲקֹב הַבָּאָה מִצְרַיְמָה שִׁבְעִים׃ ס וְאֶת־ ששי
יְהוּדָה שָׁלַח לְפָנָיו אֶל־יוֹסֵף לְהוֹרֹת לְפָנָיו גֹּשְׁנָה וַיָּבֹאוּ
אַרְצָה גֹּשֶׁן׃ וַיֶּאְסֹר יוֹסֵף מֶרְכַּבְתּוֹ וַיַּעַל לִקְרַאת־יִשְׂרָאֵל כט
אָבִיו גֹּשְׁנָה וַיֵּרָא אֵלָיו וַיִּפֹּל עַל־צַוָּארָיו וַיֵּבְךְּ עַל־צַוָּארָיו
עוֹד׃ וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל־יוֹסֵף אָמוּתָה הַפָּעַם אַחֲרֵי רְאוֹתִי ל
אֶת־פָּנֶיךָ כִּי עוֹדְךָ חָי׃ וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־אֶחָיו וְאֶל־בֵּית לא
אָבִיו אֶעֱלֶה וְאַגִּידָה לְפַרְעֹה וְאֹמְרָה אֵלָיו אַחַי וּבֵית־אָבִי
אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ־כְּנַעַן בָּאוּ אֵלָי׃ וְהָאֲנָשִׁים רֹעֵי צֹאן כִּי־אַנְשֵׁי לב
מִקְנֶה הָיוּ וְצֹאנָם וּבְקָרָם וְכָל־אֲשֶׁר לָהֶם הֵבִיאוּ׃ וְהָיָה לג
כִּי־יִקְרָא לָכֶם פַּרְעֹה וְאָמַר מַה־מַּעֲשֵׂיכֶם׃ וַאֲמַרְתֶּם לד
אַנְשֵׁי מִקְנֶה הָיוּ עֲבָדֶיךָ מִנְּעוּרֵינוּ וְעַד־עַתָּה גַּם־אֲנַחְנוּ גַּם־
אֲבֹתֵינוּ בַּעֲבוּר תֵּשְׁבוּ בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן כִּי־תוֹעֲבַת מִצְרַיִם כָּל־
רֹעֵה צֹאן׃

מז

וַיָּבֹא יוֹסֵף וַיַּגֵּד לְפַרְעֹה וַיֹּאמֶר אָבִי וְאַחַי וְצֹאנָם וּבְקָרָם א
וְכָל־אֲשֶׁר לָהֶם בָּאוּ מֵאֶרֶץ כְּנָעַן וְהִנָּם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן׃ וּמִקְצֵה ב
אֶחָיו לָקַח חֲמִשָּׁה אֲנָשִׁים וַיַּצִּגֵם לִפְנֵי פַרְעֹה׃ וַיֹּאמֶר ג
פַּרְעֹה אֶל־אֶחָיו מַה־מַּעֲשֵׂיכֶם וַיֹּאמְרוּ אֶל־פַּרְעֹה רֹעֵה
צֹאן עֲבָדֶיךָ גַּם־אֲנַחְנוּ גַּם־אֲבוֹתֵינוּ׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־פַּרְעֹה ד
לָגוּר בָּאָרֶץ בָּאנוּ כִּי־אֵין מִרְעֶה לַצֹּאן אֲשֶׁר לַעֲבָדֶיךָ כִּי־
כָבֵד הָרָעָב בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וְעַתָּה יֵשְׁבוּ־נָא עֲבָדֶיךָ בְּאֶרֶץ
גֹּשֶׁן׃ וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־יוֹסֵף לֵאמֹר אָבִיךָ וְאַחֶיךָ בָּאוּ ה
אֵלֶיךָ׃ אֶרֶץ מִצְרַיִם לְפָנֶיךָ הִוא בְּמֵיטַב הָאָרֶץ הוֹשֵׁב ו
אֶת־אָבִיךָ וְאֶת־אַחֶיךָ יֵשְׁבוּ בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וְאִם־יָדַעְתָּ וְיֶשׁ־
בָּם אַנְשֵׁי־חַיִל וְשַׂמְתָּם שָׂרֵי מִקְנֶה עַל־אֲשֶׁר־לִי׃ וַיָּבֹא ז

מ, לד׳ הפ׳ בצרי

אַחוץ די ווייבער פון יעקבס זין—אַלע נפשות זיינען געווען זעקס און זעכציק. [27] און יוֹספס זין, וואָס זיינען אים געבאָרן געוואָרן אין מִצרַיִם, זיינען געווען צוויי נפשות. אַלע נפשות פון יעקבס הויז וואָס זיינען געקומען קיין מִצרַיִם, זיבעציק.

[28] און יהודהן האָט ער געשיקט פאַרויס פאַר זיך צו יוֹספן, צו ווייזן אים פאַרויס דעם וועג קיין גוֹשן; און זיי זיינען אָנגעקומען קיין לאַנד גוֹשן.

[29] און יוֹסף האָט איינגעשפּאַנט זיין רייטוואָגן, און איז אַרויפגעגאַנגען אַנטקעגן זיין פאָטער ישׂראלן קיין גוֹשן. און ווי ער האָט זיך געוויזן פאַר אים, אַזוי איז ער אים געפאַלן אויפן האַלדז, און ער האָט לאַנג געוויינט אויף זיין האַלדז. [30] און ישׂראל האָט געזאָגט צו יוֹספן: אַצונד קען איך שטאַרבן, נאָכדעם ווי איך האָב געזען דיין פּנים, אַז דו לעבסט נאָך.

[31] און יוֹסף האָט געזאָגט צו זיינע ברידער און צו זיין פאָטערס הויזגעזינט: איך וועל אַרויפגיין און וועל דערציילן פַּרעהן, און איך וועל צו אים זאָגן: מיינע ברידער און מיין פאָטערס הויזגעזינט, וואָס זיינען געווען אין לאַנד כּנַעַן, זיינען געקומען צו מיר. [32] און די מענטשן זיינען פאַסטוכער פון שאָף, ווארום זיי זיינען מענטשן פון פי; און זייערע שאָף און זייערע רינדער און אַלץ וואָס זיי האָבן, האָבן זיי מיטגעבראַכט. [33] און עס וועט זיין, אַז פַּרעה וועט אייך רופן, און וועט זאָגן: וואָס איז אייער טאָן? [34] זאָלט איר זאָגן: מענטשן פון פי זיינען דיינע קנעכט פון אונדזער יוגנט אָן און ביז אַצונד, אַזוי מיר, אַזוי אונדזערע עלטערן; כּדי איר זאָלט זיצן אין לאַנד גוֹשן, ווארום אַן אומווערדיקייט ביי די מִצרים איז יעטוועדער פאַסטוך פון שאָף.

מז [1] און יוֹסף איז געגאַנגען און האָט דערציילט פַּרעהן, און האָט געזאָגט: מיין פאָטער און מיינע ברידער, מיט זייערע שאָף און זייערע רינדער און אַלץ וואָס זיי האָבן, זיינען געקומען פון לאַנד כּנַעַן, און זיי זיינען אין לאַנד גוֹשן. [2] און פון צווישן זיינע ברידער האָט ער גענומען פינף מאַן, און האָט זיי געשטעלט פאַר פַּרעהן. [3] האָט פַּרעה געזאָגט צו זיינע ברידער: וואָס איז אייער טאָן? האָבן זיי געזאָגט צו פַּרעהן: פאַסטוכער פון שאָף זיינען דיינע קנעכט, אַזוי מיר, אַזוי אונדזערע עלטערן. [4] און זיי האָבן געזאָגט צו פַּרעהן: צו וווינען אין לאַנד זיינען מיר געקומען, ווארום עס איז ניטאָ קיין פּיטערונג פאַר די שאָף פון דיינע קנעכט, ווייל דער הונגער איז שווער אין לאַנד כּנַעַן. און אַצונד, איך בעט דיך, זאָלן דיינע קנעכט זיצן אין לאַנד גוֹשן.

[5] האָט פַּרעה געזאָגט צו יוֹספן, אַזוי צו זאָגן: דיין פאָטער און דיינע ברידער זיינען געקומען צו דיר; [6] דאָס לאַנד מִצרַיִם ליגט פאַר דיר, אין בעסטן טייל פון לאַנד באַזעץ דיין פאָטער און דיינע ברידער. זאָלן זיי זיצן אין לאַנד גוֹשן. און אויב דו ווייסט אַז צווישן זיי זיינען דאָ טויגלעכע מענטשן, זאָלסטו זיי מאַכן פאַר אויבערלייט איבער דעם פי וואָס איך האָב.

יוֹסֵף אֶת־יַעֲקֹב אָבִיו וַיַּעֲמִדֵהוּ לִפְנֵי פַרְעֹה וַיְבָרֶךְ יַעֲקֹב
ח אֶת־פַּרְעֹה׃ וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אֶל־יַעֲקֹב כַּמָּה יְמֵי שְׁנֵי חַיֶּיךָ׃
ט וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־פַּרְעֹה יְמֵי שְׁנֵי מְגוּרַי שְׁלֹשִׁים וּמְאַת
שָׁנָה מְעַט וְרָעִים הָיוּ יְמֵי שְׁנֵי חַיַּי וְלֹא הִשִּׂיגוּ אֶת־יְמֵי שְׁנֵי
י חַיֵּי אֲבֹתַי בִּימֵי מְגוּרֵיהֶם׃ וַיְבָרֶךְ יַעֲקֹב אֶת־פַּרְעֹה וַיֵּצֵא
שב׳ מִלִּפְנֵי פַרְעֹה׃ וַיּוֹשֵׁב יוֹסֵף אֶת־אָבִיו וְאֶת־אֶחָיו וַיִּתֵּן לָהֶם
אֲחֻזָּה בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּמֵיטַב הָאָרֶץ בְּאֶרֶץ רַעְמְסֵס כַּאֲשֶׁר
יב צִוָּה פַרְעֹה׃ וַיְכַלְכֵּל יוֹסֵף אֶת־אָבִיו וְאֶת־אֶחָיו וְאֵת כָּל־
יג בֵּית אָבִיו לֶחֶם לְפִי הַטָּף׃ וְלֶחֶם אֵין בְּכָל־הָאָרֶץ כִּי־
כָבֵד הָרָעָב מְאֹד וַתֵּלַהּ אֶרֶץ מִצְרַיִם וְאֶרֶץ כְּנַעַן מִפְּנֵי
יד הָרָעָב׃ וַיְלַקֵּט יוֹסֵף אֶת־כָּל־הַכֶּסֶף הַנִּמְצָא בְאֶרֶץ־מִצְרַיִם
וּבְאֶרֶץ כְּנַעַן בַּשֶּׁבֶר אֲשֶׁר־הֵם שֹׁבְרִים וַיָּבֵא יוֹסֵף אֶת־
טו הַכֶּסֶף בֵּיתָה פַרְעֹה׃ וַיִּתֹּם הַכֶּסֶף מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וּמֵאֶרֶץ
כְּנַעַן וַיָּבֹאוּ כָל־מִצְרַיִם אֶל־יוֹסֵף לֵאמֹר הָבָה־לָּנוּ לֶחֶם
טז וְלָמָּה נָמוּת נֶגְדֶּךָ כִּי אָפֵס כָּסֶף׃ וַיֹּאמֶר יוֹסֵף הָבוּ מִקְנֵיכֶם
יז וְאֶתְּנָה לָכֶם בְּמִקְנֵיכֶם אִם־אָפֵס כָּסֶף׃ וַיָּבִיאוּ אֶת־מִקְנֵיהֶם
אֶל־יוֹסֵף וַיִּתֵּן לָהֶם יוֹסֵף לֶחֶם בַּסּוּסִים וּבְמִקְנֵה הַצֹּאן
וּבְמִקְנֵה הַבָּקָר וּבַחֲמֹרִים וַיְנַהֲלֵם בַּלֶּחֶם בְּכָל־מִקְנֵהֶם
יח בַּשָּׁנָה הַהִוא׃ וַתִּתֹּם הַשָּׁנָה הַהִוא וַיָּבֹאוּ אֵלָיו בַּשָּׁנָה
הַשֵּׁנִית וַיֹּאמְרוּ לוֹ לֹא־נְכַחֵד מֵאֲדֹנִי כִּי אִם־תַּם הַכֶּסֶף
וּמִקְנֵה הַבְּהֵמָה אֶל־אֲדֹנִי לֹא נִשְׁאַר לִפְנֵי אֲדֹנִי בִּלְתִּי אִם־
יט גְּוִיָּתֵנוּ וְאַדְמָתֵנוּ׃ לָמָּה נָמוּת לְעֵינֶיךָ גַּם־אֲנַחְנוּ גַּם־אַדְמָתֵנוּ
קְנֵה־אֹתָנוּ וְאֶת־אַדְמָתֵנוּ בַּלָּחֶם וְנִהְיֶה אֲנַחְנוּ וְאַדְמָתֵנוּ
עֲבָדִים לְפַרְעֹה וְתֶן־זֶרַע וְנִחְיֶה וְלֹא נָמוּת וְהָאֲדָמָה לֹא
כ תֵשָׁם׃ וַיִּקֶן יוֹסֵף אֶת־כָּל־אַדְמַת מִצְרַיִם לְפַרְעֹה כִּי־מָכְרוּ
מִצְרַיִם אִישׁ שָׂדֵהוּ כִּי־חָזַק עֲלֵהֶם הָרָעָב וַתְּהִי הָאָרֶץ
כא לְפַרְעֹה׃ וְאֶת־הָעָם הֶעֱבִיר אֹתוֹ לֶעָרִים מִקְצֵה גְבוּל־
כב מִצְרַיִם וְעַד־קָצֵהוּ׃ רַק אַדְמַת הַכֹּהֲנִים לֹא קָנָה כִּי חֹק

7 און יוסף האָט געבראַכט זיין פאָטער יעקבן, און ער האָט אים געשטעלט פאַר פּרעהן; און יעקב האָט געבענטשט פּרעהן. 8 און פּרעה האָט געזאָגט צו יעקבן: וויפיל זיינען די טעג פון די יאָרן פון דיין לעבן? 9 האָט יעקב געזאָגט צו פּרעהן: די טעג פון די יאָרן פון מיין וואַנדערשאַפט זיינען הונדערט און דרייסיק יאָר. ווייניק און שלעכט זיינען די טעג פון די יאָרן פון מיין לעבן, און זיי קומען ניט צו די טעג פון די יאָרן פון מיינע עלטערנס לעבן אין די טעג פון זייער וואַנדערשאַפט. 10 און יעקב האָט געבענטשט פּרעהן, און איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר פּרעהן.

11 און יוסף האָט באַזעצט זיין פאָטער און זיינע ברידער, און ער האָט זיי געגעבן אייגנטום אין לאַנד מִצְרַיִם, אין בעסטן טייל פון לאַנד, אין לאַנד רַעְמְסֵס, אַזוי ווי פּרעה האָט באַפוילן. 12 און יוסף האָט אויסגעהאַלטן זיין פאָטער און זיינע ברידער, און דאָס גאַנצע הויז פון זיין פאָטער, מיט ברויט, ווי נאָכן געזינט.

13 און קיין ברויט איז ניט געווען אין גאַנצן לאַנד, וואָרום דער הונגער איז געווען זייער שווער, און דאָס לאַנד מִצְרַיִם און דאָס לאַנד כְּנַעַן זיינען אויסגעמאַטערט געוואָרן פון דעם הונגער. 14 און יוסף האָט אויפגעקליבן דאָס גאַנצע געלט וואָס האָט זיך געפונען אין לאַנד מִצְרַיִם און אין לאַנד כְּנַעַן, פאַר דער תּבואה וואָס זיי האָבן געקויפט. און יוסף האָט געבראַכט דאָס געלט אין פּרעהס הויז. 15 און אַז דאָס געלט איז אויסגעגאַנגען פון לאַנד מִצְרַיִם און פון לאַנד כְּנַעַן, זיינען אַלע מִצרים געקומען צו יוספן, אַזוי צו זאָגן: גיב אונדז ברויט; וואָרום נאָך וואָס זאָלן מיר שטאַרבן פאַר דיר? אַז דאָס געלט האָט זיך אויסגעלאָזט. 16 האָט יוסף געזאָגט: גיט אייערע פי, און איך וועל אייך געבן פאַר אייערע פי, אויב דאָס געלט האָט זיך אויסגעלאָזט. 17 האָבן זיי געבראַכט זייערע פי צו יוספן, און יוסף האָט זיי געגעבן ברויט פאַר פערד, און פאַר סטאַדעס שאָף, און פאַר סטאַדעס רינדער, און פאַר אייזלען; און ער האָט זיי פאַרזאָרגט מיט ברויט אין יענעם יאָר, פאַר אַלע זייערע פי.

18 האָט זיך דאָס יאָר געענדיקט; און אויפן צווייטן יאָר זיינען זיי געקומען צו אים, און האָבן צו אים געזאָגט: מיר וועלן ניט פאַרהוילן פון מיין האַר, אַז אַזוי ווי דאָס געלט איז אויסגעגאַנגען, און די סטאַדעס פי זיינען ביי מיין האַר, איז ניט געבליבן פאַר מיין האַר אַחוץ נאָר אונדזער לייב און אונדזער ערד. 19 נאָך וואָס זאָלן מיר אומקומען פאַר דיינע אויגן, אי מיר אי אונדזער ערד? קויף אָפּ אונדז און אונדזער ערד פאַר ברויט, און מיר מיט אונדזער ערד וועלן זיין קנעכט צו פּרעהן; און גיב אונדז זריעה, כּדי מיר זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן, און די ערד זאָל ניט פאַרוויסט ווערן.

20 האָט יוסף אָפּגעקויפט די גאַנצע ערד פון מִצְרַיִם פאַר פּרעהן, וואָרום די מִצרים האָבן פאַרקויפט איטלעכער זיין פעלד, ווייל דער הונגער האָט זיך געשטאַרקט איבער זיי; און דאָס לאַנד איז געוואָרן פּרעהס. 21 און דאָס פאָלק, זיי האָט ער שטעטוויז איבערגעפירט פון איין עק געמאַרק פון מִצְרַיִם צום אַנדער עק. 22 נאָר די ערד פון די פּריסטער האָט ער ניט אָפּגעקויפט, ווייל די פּריסטער האָבן געקריגן

לַכֹּהֲנִים מֵאֵת פַּרְעֹה וְאָכְלוּ אֶת־חֻקָּם אֲשֶׁר נָתַן לָהֶם
פַּרְעֹה עַל־כֵּן לֹא מָכְרוּ אֶת־אַדְמָתָם: וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־ כג
הָעָם הֵן קָנִיתִי אֶתְכֶם הַיּוֹם וְאֶת־אַדְמַתְכֶם לְפַרְעֹה הֵא־
לָכֶם זֶרַע וּזְרַעְתֶּם אֶת־הָאֲדָמָה: וְהָיָה בַּתְּבוּאֹת וּנְתַתֶּם כד
חֲמִישִׁית לְפַרְעֹה וְאַרְבַּע הַיָּדֹת יִהְיֶה לָכֶם לְזֶרַע הַשָּׂדֶה
וּלְאָכְלְכֶם וְלַאֲשֶׁר בְּבָתֵּיכֶם וְלֶאֱכֹל לְטַפְּכֶם: וַיֹּאמְרוּ מפ'
הֶחֱיִתָנוּ נִמְצָא־חֵן בְּעֵינֵי אֲדֹנִי וְהָיִינוּ עֲבָדִים לְפַרְעֹה:
וַיָּשֶׂם אֹתָהּ יוֹסֵף לְחֹק עַד־הַיּוֹם הַזֶּה עַל־אַדְמַת מִצְרַיִם כו
לְפַרְעֹה לַחֹמֶשׁ רַק אַדְמַת הַכֹּהֲנִים לְבַדָּם לֹא הָיְתָה
לְפַרְעֹה: וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן וַיֵּאָחֲזוּ כז
בָהּ וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד:

אַ קִצבָה פון פּרעהן, און זיי האָבן געגעסן זייער קִצבָה וואָס פּרעה האָט זיי געגעבן; דרום האָבן זיי ניט פאַרקויפט זייער ערד.

[23] און יוסף האָט געזאָגט צום פאָלק: אָט האָב איך היינט אָפּגעקויפט אײַך און אײַער לאַנד פאַר פּרעהן; נאַט אײַך זריעה, און פאַרזייט די ערד. [24] און עס וועט זיין ביי די תבואות, וועט איר געבן אַ פינפטל צו פּרעהן, און פיר חלקים וועלן אײַך זיין פאַר זריעה פון פעלד, און פאַר אײַער עסן, און פאַר די וואָס אין אײַערע הייזער, און צום עסן פאַר אײַערע קליינע קינדער.

[25] האָבן זיי געזאָגט: האָסט אונדז דאָס לעבן דערהאַלטן; לאָמיר געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון מיין האַר, און מיר וועלן זיין קנעכט צו פּרעהן. [26] און יוסף האָט עס געמאַכט פאַר אַ געזעץ ביז אויף היינטיקן טאָג אויף דער ערד פון מִצרַיִם, אַז צו פּרעהן זאָל געהערן אַ פינפטל. נאָר די ערד פון די פּריסטער אַליין איז ניט געוואָרן פּרעהס.

[27] און ישראל איז געזעסן אין לאַנד מִצרַיִם, אין לאַנד גושן; און זיי האָבן זיך דאָרטן איינגעפעסטיקט, און האָבן זיך געפרוכפּערט און געמערט זייער.

## וַיְחִי

וַיְחִי יַעֲקֹב בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁבַע עֶשְׂרֵה שָׁנָה וַיְהִי יְמֵי־ כח
יַעֲקֹב שְׁנֵי חַיָּיו שֶׁבַע שָׁנִים וְאַרְבָּעִים וּמְאַת שָׁנָה: וַיִּקְרְבוּ כט
יְמֵי־יִשְׂרָאֵל לָמוּת וַיִּקְרָא ׀ לִבְנוֹ לְיוֹסֵף וַיֹּאמֶר לוֹ אִם־נָא
מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ שִׂים־נָא יָדְךָ תַּחַת יְרֵכִי וְעָשִׂיתָ עִמָּדִי
חֶסֶד וֶאֱמֶת אַל־נָא תִקְבְּרֵנִי בְּמִצְרָיִם: וְשָׁכַבְתִּי עִם־אֲבֹתַי ל
וּנְשָׂאתַנִי מִמִּצְרַיִם וּקְבַרְתַּנִי בִּקְבֻרָתָם וַיֹּאמַר אָנֹכִי אֶעֱשֶׂה
כִדְבָרֶךָ: וַיֹּאמֶר הִשָּׁבְעָה לִי וַיִּשָּׁבַע לוֹ וַיִּשְׁתַּחוּ יִשְׂרָאֵל לא
עַל־רֹאשׁ הַמִּטָּה: פ

מח

וַיְהִי אַחֲרֵי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיֹּאמֶר לְיוֹסֵף הִנֵּה אָבִיךָ א
חֹלֶה וַיִּקַּח אֶת־שְׁנֵי בָנָיו עִמּוֹ אֶת־מְנַשֶּׁה וְאֶת־אֶפְרָיִם:
וַיַּגֵּד לְיַעֲקֹב וַיֹּאמֶר הִנֵּה בִּנְךָ יוֹסֵף בָּא אֵלֶיךָ וַיִּתְחַזֵּק ב
יִשְׂרָאֵל וַיֵּשֶׁב עַל־הַמִּטָּה: וַיֹּאמֶר יַעֲקֹב אֶל־יוֹסֵף אֵל שַׁדַּי ג
נִרְאָה־אֵלַי בְּלוּז בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וַיְבָרֶךְ אֹתִי: וַיֹּאמֶר אֵלַי ד
הִנְנִי מַפְרְךָ וְהִרְבִּיתִךָ וּנְתַתִּיךָ לִקְהַל עַמִּים וְנָתַתִּי אֶת־
הָאָרֶץ הַזֹּאת לְזַרְעֲךָ אַחֲרֶיךָ אֲחֻזַּת עוֹלָם: וְעַתָּה שְׁנֵי־ ה

[28] און יעקב האָט געלעבט אין לאַנד מִצרַיִם זיבעצן יאָר; און די טעג פון יעקבן, די יאָרן פון זיין לעבן, זיינען געווען הונדערט יאָר און זיבן און פערציק יאָר. [29] און די טעג פון ישראלן האָבן גענענט צום שטאַרבן, און ער האָט גערופן זיין זון יוסֵפן, און האָט צו אים געזאָגט: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, טו, איך בעט דיך, דיין האַנט אונטער מיין דיך, און זאָלסט טאָן מיט מיר אַ חסד און אַ טריישאַפט: זאָלסט מיך ניט באַגראָבן, איך בעט דיך, אין מִצרַיִם. [30] און אַז איך וועל זיך לייגן צו מיינע עלטערן, זאָלסטו מיך אַוועקטראָגן פון מִצרַיִם, און מיך באַגראָבן אין זייער קבר. האָט ער געזאָגט: איך וועל טאָן אַזוי ווי דיין וואָרט. [31] האָט ער געזאָגט: שווער מיר. און ער האָט אים געשוואָרן; און ישראל האָט זיך געבוקט צוקאָפּנס פון בעט.

מז, כח' אין כאן פסקא כלל כי אם רוח אות אחת

**מח** [1] און עס איז געווען נאָך דידאָזיקע געשעענישן, האָט מען אָנגעזאָגט יוסֵפן: זע, דיין פאָטער איז קראַנק. האָט ער גענומען מיט זיך זיינע צוויי זין, מנשהן און אפרימען. [2] און מע האָט געלאָזט וויסן יעקבן און געזאָגט: זע, דיין זון יוסף קומט צו דיר; און ישראל האָט זיך געשטאַרקט, און האָט זיך געזעצט אויפן בעט.

[3] און יעקב האָט געזאָגט צו יוסֵפן: גאָט שַדַי האָט זיך באַוויזן צו מיר אין לוז, אין לאַנד כּנַעַן, און ער האָט מיך געבענטשט. [4] און ער האָט צו מיר געזאָגט: זע, איך וועל דיך פרוכפּערן און וועל דיך מערן, און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ געזעמל פעלקער; און איך וועל געבן דאָסדאָזיקע לאַנד צו דיין זאָמען נאָך דיר פאַר אַן אייביקן אייגנטום. [5] און אַצונד,

די צוויי זין וואָס זיינען דיר געבאָרן געוואָרן אין לאַנד
מִצְרַיִם פאַר מיין קומען צו דיר קיין מִצְרַיִם, זיי זיינען
מיינע: אפרים און מנשה זאָלן זיין מיינע אַזוי ווי ראובן
און שמעון. [6] אָבער דיינע געבאָרענע וואָס דו האָסט
געבאָרן נאָך זיי, זאָלן זיין דיינע; אויף דעם נאָמען פון
זייערע ברידער זאָלן זיי גערופן ווערן אין זייער נחלה.
[7] ... און איך, אַז איך בין געקומען פון פַּדָּן, איז מיר גע־
שטאָרבן רחל אין לאַנד כְּנַעַן אויפן וועג, ווען עס איז נאָך
געווען אַ שטרעק לאַנד צו קומען קיין אֶפְרָת; און איך
האָב זי דאָרטן באַגראָבן אויפן וועג קיין אֶפְרָת, דאָס איז
בֵּית־לֶחֶם.

[8] און ישראל האָט געזען יוספס זין, און ער האָט
געזאָגט: ווער זיינען די דאָזיקע? [9] האָט יוסף געזאָגט צו
זיין פאָטער: דאָס זיינען מיינע זין וואָס גאָט האָט מיר
געשאָנקען דאָ הי. האָט ער געזאָגט: נעם זיי, איך בעט
דיך, צו מיר, און איך וועל זיי בענטשן. [10] און די אויגן
פון ישׂראלן זיינען געווען טונקל פון זקנה, ער האָט ניט
געקענט זען. האָט ער זיי געמאַכט גענענען צו אים, און
ער האָט זיי געקושט און זיי געהאַלדזט. [11] און ישראל
האָט געזאָגט צו יוספן: איך האָב ניט געדאַכט דיין פּנים
צו זען, און אָט האָט מיך גאָט געלאָזט זען אויך דיינע
קינדער.

[12] און יוסף האָט זיי אַרויסגעצויגן פון צווישן זיינע
קני, און האָט זיך געבוקט אויף זיין פּנים צו דער ערד. [13] און יוסף האָט זיי ביידן גענומען, אפרימען אין זיין רעכטער
האַנט, צו דער לינקער האַנט פון ישׂראלן, און מנשהן אין זיין לינקער האַנט, צו דער רעכטער האַנט פון
ישׂראלן, און האָט זיי געמאַכט גענענען צו אים. [14] האָט ישׂראל אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט, און אַרויפ־
געטאָן אויפן קאָפּ פון אפרימען, וואָס איז געווען דער ייִנגערער, און זיין לינקע האַנט אויפן קאָפּ פון מנשהן;
ער האָט בכיוון איבערגעדרייט זיינע הענט, וואָרום מנשה איז געווען דער בְּכוֹר. [15] און ער האָט געבענטשט יוספן, און
האָט געזאָגט: דער גאָט וואָס מיינע עלטערן אַברהם און יצחק זיינען געגאַנגען פאַר אים, דער גאָט וואָס איז געווען מיין
פאַסטוך פון זינט איך לעב ביז אויף היינטיקן טאָג, [16] דער מלאך וואָס האָט מיך אויסגעלייזט פון אַלעם בייזן, ער זאָל
בענטשן די ייִנגלעך; און עס זאָל גערופן ווערן אויף זיי מיין נאָמען, און דער נאָמען פון מיינע עלטערן אַברהם און
יצחק; און זיי זאָלן זיך מערן לָרוב אויף דער ערד.

[17] און יוסף האָט געזען, אַז זיין פאָטער טוט אַרויף זיין רעכטע האַנט אויפן קאָפּ פון אפרימען, און עס איז אויס־
געקומען שלעכט אין זיינע אויגן; האָט ער אונטערגעלענט זיין פאָטערס האַנט, כּדי זי אַוועקצונעמען פון אפרימס קאָפּ
אויף מנשהס קאָפּ. [18] און יוסף האָט געזאָגט צו זיין פאָטער: ניט אַזוי, מיין פאָטער, וואָרום דער איז דער בְּכוֹר; טו אַרויף
דיין רעכטע האַנט אויף זיין קאָפּ. [19] אָבער זיין פאָטער האָט ניט געוואָלט, און האָט געזאָגט: איך ווייס, מיין זון, איך
ווייס; ער אויך וועט ווערן אַ פאָלק, און ער אויך וועט זיין גרויס, אָבער זיין ייִנגערער ברודער וועט זיין גרעסער פון אים,
און זיין זאָמען וועט ווערן אַ פולע פעלקער. [20] און ער האָט זיי געבענטשט אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן: מיט דיר זאָל

בָנֶיךָ הַנּוֹלָדִים לְךָ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם עַד־בֹּאִי אֵלֶיךָ מִצְרַיְמָה
ו לִי־הֵם אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה כִּרְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן יִהְיוּ־לִי׃ וּמוֹלַדְתְּךָ
אֲשֶׁר־הוֹלַדְתָּ אַחֲרֵיהֶם לְךָ יִהְיוּ עַל שֵׁם אֲחֵיהֶם יִקָּרְאוּ
ז בְּנַחֲלָתָם׃ וַאֲנִי בְּבֹאִי מִפַּדָּן מֵתָה עָלַי רָחֵל בְּאֶרֶץ כְּנַעַן
בַּדֶּרֶךְ בְּעוֹד כִּבְרַת־אֶרֶץ לָבֹא אֶפְרָתָה וָאֶקְבְּרֶהָ שָּׁם
ח בְּדֶרֶךְ אֶפְרָת הִוא בֵּית לָחֶם׃ וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת־בְּנֵי
ט יוֹסֵף וַיֹּאמֶר מִי־אֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־אָבִיו בָּנַי הֵם
אֲשֶׁר־נָתַן־לִי אֱלֹהִים בָּזֶה וַיֹּאמַר קָחֶם־נָא אֵלַי וַאֲבָרְכֵם׃
שני וְעֵינֵי יִשְׂרָאֵל כָּבְדוּ מִזֹּקֶן לֹא יוּכַל לִרְאוֹת וַיַּגֵּשׁ אֹתָם
יא אֵלָיו וַיִּשַּׁק לָהֶם וַיְחַבֵּק לָהֶם׃ וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל־יוֹסֵף
רְאֹה פָנֶיךָ לֹא פִלָּלְתִּי וְהִנֵּה הֶרְאָה אֹתִי אֱלֹהִים גַּם
יב אֶת־זַרְעֶךָ׃ וַיּוֹצֵא יוֹסֵף אֹתָם מֵעִם בִּרְכָּיו וַיִּשְׁתַּחוּ לְאַפָּיו
יג אָרְצָה׃ וַיִּקַּח יוֹסֵף אֶת־שְׁנֵיהֶם אֶת־אֶפְרַיִם בִּימִינוֹ מִשְּׂמֹאל
יִשְׂרָאֵל וְאֶת־מְנַשֶּׁה בִשְׂמֹאלוֹ מִימִין יִשְׂרָאֵל וַיַּגֵּשׁ אֵלָיו׃
יד וַיִּשְׁלַח יִשְׂרָאֵל אֶת־יְמִינוֹ וַיָּשֶׁת עַל־רֹאשׁ אֶפְרַיִם וְהוּא
הַצָּעִיר וְאֶת־שְׂמֹאלוֹ עַל־רֹאשׁ מְנַשֶּׁה שִׂכֵּל אֶת־יָדָיו כִּי
טו מְנַשֶּׁה הַבְּכוֹר׃ וַיְבָרֶךְ אֶת־יוֹסֵף וַיֹּאמַר הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר
הִתְהַלְּכוּ אֲבֹתַי לְפָנָיו אַבְרָהָם וְיִצְחָק הָאֱלֹהִים הָרֹעֶה
טז אֹתִי מֵעוֹדִי עַד־הַיּוֹם הַזֶּה׃ הַמַּלְאָךְ הַגֹּאֵל אֹתִי מִכָּל־
רָע יְבָרֵךְ אֶת־הַנְּעָרִים וְיִקָּרֵא בָהֶם שְׁמִי וְשֵׁם אֲבֹתַי
של׳ אַבְרָהָם וְיִצְחָק וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃ וַיַּרְא יוֹסֵף כִּי־
יָשִׁית אָבִיו יַד־יְמִינוֹ עַל־רֹאשׁ אֶפְרַיִם וַיֵּרַע בְּעֵינָיו וַיִּתְמֹךְ
יַד־אָבִיו לְהָסִיר אֹתָהּ מֵעַל רֹאשׁ־אֶפְרַיִם עַל־רֹאשׁ מְנַשֶּׁה׃
יח וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־אָבִיו לֹא־כֵן אָבִי כִּי־זֶה הַבְּכֹר שִׂים יְמִינְךָ
יט עַל־רֹאשׁוֹ׃ וַיְמָאֵן אָבִיו וַיֹּאמֶר יָדַעְתִּי בְנִי יָדַעְתִּי גַּם־הוּא
יִהְיֶה־לְּעָם וְגַם־הוּא יִגְדָּל וְאוּלָם אָחִיו הַקָּטֹן יִגְדַּל מִמֶּנּוּ
כ וְזַרְעוֹ יִהְיֶה מְלֹא־הַגּוֹיִם׃ וַיְבָרְכֵם בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמוֹר בְּךָ

כ׳ מלא ו

יְבָרֶךְ יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר יְשִׂמְךָ אֱלֹהִים כְּאֶפְרַיִם וְכִמְנַשֶּׁה
כא וַיָּשֶׂם אֶת־אֶפְרַיִם לִפְנֵי מְנַשֶּׁה: וַיֹּאמֶר יִשְׂרָאֵל אֶל־יוֹסֵף
הִנֵּה אָנֹכִי מֵת וְהָיָה אֱלֹהִים עִמָּכֶם וְהֵשִׁיב אֶתְכֶם אֶל־
כב אֶרֶץ אֲבֹתֵיכֶם: וַאֲנִי נָתַתִּי לְךָ שְׁכֶם אַחַד עַל־אַחֶיךָ אֲשֶׁר
לָקַחְתִּי מִיַּד הָאֱמֹרִי בְּחַרְבִּי וּבְקַשְׁתִּי: פ

מט

רב׳ וַיִּקְרָא יַעֲקֹב אֶל־בָּנָיו וַיֹּאמֶר הֵאָסְפוּ וְאַגִּידָה לָכֶם אֵת
ב אֲשֶׁר־יִקְרָא אֶתְכֶם בְּאַחֲרִית הַיָּמִים: הִקָּבְצוּ וְשִׁמְעוּ בְּנֵי
ג יַעֲקֹב וְשִׁמְעוּ אֶל־יִשְׂרָאֵל אֲבִיכֶם: רְאוּבֵן בְּכֹרִי אַתָּה כֹּחִי
ד וְרֵאשִׁית אוֹנִי יֶתֶר שְׂאֵת וְיֶתֶר עָז: פַּחַז כַּמַּיִם אַל־תּוֹתַר
כִּי עָלִיתָ מִשְׁכְּבֵי אָבִיךָ אָז חִלַּלְתָּ יְצוּעִי עָלָה: פ
ה שִׁמְעוֹן וְלֵוִי אַחִים כְּלֵי חָמָס מְכֵרֹתֵיהֶם: בְּסֹדָם אַל־תָּבֹא
ו נַפְשִׁי בִּקְהָלָם אַל־תֵּחַד כְּבֹדִי כִּי בְאַפָּם הָרְגוּ אִישׁ וּבִרְצֹנָם
ז עִקְּרוּ־שׁוֹר: אָרוּר אַפָּם כִּי עָז וְעֶבְרָתָם כִּי קָשָׁתָה אֲחַלְּקֵם
בְּיַעֲקֹב וַאֲפִיצֵם בְּיִשְׂרָאֵל: פ
ח יְהוּדָה אַתָּה יוֹדוּךָ אַחֶיךָ יָדְךָ בְּעֹרֶף אֹיְבֶיךָ יִשְׁתַּחֲווּ לְךָ
ט בְּנֵי אָבִיךָ: גּוּר אַרְיֵה יְהוּדָה מִטֶּרֶף בְּנִי עָלִיתָ כָּרַע רָבַץ
י כְּאַרְיֵה וּכְלָבִיא מִי יְקִימֶנּוּ: לֹא־יָסוּר שֵׁבֶט מִיהוּדָה וּמְחֹקֵק
יא מִבֵּין רַגְלָיו עַד כִּי־יָבֹא שִׁילֹה וְלוֹ יִקְּהַת עַמִּים: אֹסְרִי
לַגֶּפֶן עִירֹה וְלַשֹּׂרֵקָה בְּנִי אֲתֹנוֹ כִּבֵּס בַּיַּיִן לְבֻשׁוֹ וּבְדַם־
יב עֲנָבִים סוּתֹה: חַכְלִילִי עֵינַיִם מִיָּיִן וּלְבֶן־שִׁנַּיִם מֵחָלָב: פ
יג זְבוּלֻן לְחוֹף יַמִּים יִשְׁכֹּן וְהוּא לְחוֹף אֳנִיֹּת וְיַרְכָתוֹ עַל־צִידֹן: פ
יד יִשָּׂשכָר חֲמֹר גָּרֶם רֹבֵץ בֵּין הַמִּשְׁפְּתָיִם: וַיַּרְא מְנֻחָה
טו כִּי טוֹב וְאֶת־הָאָרֶץ כִּי נָעֵמָה וַיֵּט שִׁכְמוֹ לִסְבֹּל וַיְהִי לְמַס־
טז עֹבֵד: ס דָּן יָדִין עַמּוֹ כְּאַחַד שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל: יְהִי־
יז דָן נָחָשׁ עֲלֵי־דֶרֶךְ שְׁפִיפֹן עֲלֵי־אֹרַח הַנֹּשֵׁךְ עִקְּבֵי־סוּס
יח חמ׳ וַיִּפֹּל רֹכְבוֹ אָחוֹר: לִישׁוּעָתְךָ קִוִּיתִי יְהוָה: ס גָּד גְּדוּד

מט,ח׳ בראש עמוד סימן ביה שמ״ו י׳ ק׳ דגושה יא׳ שורק סתוק יז׳ ק׳ דגושה

זיך בענטשן ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: גאָט זאָל דיך מאַכן אַזוי ווי אפרים און אַזוי ווי מנשה. און ער האָט געשטעלט אפרימען פאַר מנשהן.

21 און ישׂראל האָט געזאָגט צו יוספֿן: זע, איך שטאַרב; אָבער גאָט וועט זיין מיט אײַך, און ער וועט אײַך אומקערן צו דעם לאַנד פון אײַערע עלטערן. 22 און איך האָב דיר געגעבן איין חלק איבער דיינע ברידער, וואָס איך האָב אַוועקגענומען פון דער האַנט פון דעם אֶמוֹרי מיט מיין שווערד און מיט מיין בויגן.

מט 1 און יעקב האָט גערופן זיינע זין, און האָט געזאָגט: זאַמלט אײַך אַיין, און איך וועל אײַך זאָגן וואָס אײַך וועט געשען אין סוף פון די טעג.

2 קלייבט אײַך אויף און הערט, קינדער פון יעקב,
און הערכט צו אײַער פאָטער ישׂראל:

3 ראובן, מיין בכור ביסטו,
מיין כוח און מיין ערשטע קראַפט,
די פער פון גרויסקייט, און די פער פון מאַכט.
4 ביסט אײַליק ווי וואַסער—זאָלסטו די פער ניט זיין;
ווייל דו ביסט אויף דיין פאָטערס געלעגער אַרויף;
דענסמאָל האָסטו עס פאַרשוועכט—
מיין בעט אַווו ער איז אַרויף.

5 שמעון און לֵוִי זיינען ברידער,
וואַפן פון רויב זיינען זייערע לייב־קרובים.
6 אין זייער באַראָט זאָל ניט קומען מיין זעל,
צו זייער געזעמל זאָל מיין כבוד ניט צושטיין;
וואָרום אין זייער כעס הרגען זיי אַ מענטשן,
און אין זייער גוטמוט פאַרקריפּלען זיי אַן אָקס.
7 פאַרשאָלטן זייער כעס, ווייל ער איז שטאַרק,
און זייער צאָרן, ווייל ער איז האַרט!
איך וועל זיי צעטיילן אין יעקב,
און זיי צעשפּרייטן אין ישׂראל.

8 יהודה, דיך וועלן לויבן[א] דיינע ברידער,
דיין האַנט וועט זיין אויפן נאַקן פון דיינע פיינט,
די זין פון דיין פאָטער וועלן זיך בוקן צו דיר.
9 אַ יונגער לייב איז יהודה;
פון פאַרצוקונג, מיין זון, ביסטו אויפגעוואַקסן;
ער קניט, ער הויערט ווי אַ לייב,
און ווי אַ לייבינטע—ווער קען אים אויפרייצן?
10 ניט אָפּגעטאָן וועט ווערן אַ צעפּטער פון יהודה,
און אַ הערשערשטאָק פון צווישן זיינע פיס,
ווי לאַנג מע וועט קומען קיין שילו;
און צו אים וועלן פעלקער געהאָרכן.
11 ער בינדט צום ווײַנשטאָק זיין יונגאייזל,
און צום ווײַנצווייג דעם זון פון זיין אייזעלין.
ער וואַשט אין ווײַן זיין קלייד,
און אין בלוט פון טרויבן זיין בגד;
12 גערויטיקט די אויגן פון ווײַן,
און ווייס די ציינער פון מילך.

13 זבולון וועט וווינען ביים באָרטן פון ימען,
און ער וועט זיין אַ באָרטן פאַר שיפן,
און זיין לענד איבער צידון.

14 יִשָׂשכָר איז אַ ביינִיקער אייזל,
ער הויערט צווישן די שאָפגעהעפטן.
15 און ער האָט געזען די רו, אַז זי איז גוט,
און דאָס לאַנד, אַז עס איז ליב,
האָט ער געבויגן זיין רוקן צו טראָגן,
און איז אַ צינזקנעכט געוואָרן.

16 דָן וועט זיך אָננעמען[ב] פאַר זיין פאָלק,
ווי איינער פון די שבטים פון ישׂראל.
17 דָן וועט זיין אַ שלאַנג אויפן וועג,
אַ האָרנשלאַנג אויפן שטעג,
וואָס בייסט די טריט פון דעם פערד,
און זיין רייטער פאַלט אַהינטער.

18 אויף דיין הילף, גאָט, טו איך האָפן.

[א] וואָרטשפּיל: יְהוּדָה–יוֹדוּךָ.
[ב] וואָרטשפּיל: דָן יָדִין.

19 גָד–אים וועט אַ מחנה באַפֿאַלן[א],
אָבער ער וועט אָנפֿאַלן אויף זייער טריט.

20 ביי אָשרן וועט פֿעט זיין זיין ברויט,
און ער וועט אַרויסגעבן מַלכות־געריכטן.

21 נפתלי איז אַ הינדין אַ פֿלינקע;
ער גיט אַרויס שיינע רייד.
23 אַ פֿרוכטיק ביימל איז יוסף,
אַ פֿרוכטיק ביימל ביי אַ קוואַל;
די צווייגן שפּרייזן איבער דער מויער.

23 און אים געביטערט, און געשאָסן,
און אים געפֿיינט האָבן די פֿיילמענער;
24 אָבער פֿעסט איז זיין בויגן געבליבן,
און פֿלינק געווען זיינען די אָרעמס פֿון זיינע הענט,
דורך די הענט פֿון דעם מאַכטיקן פֿון יעקב,
פֿון דאָרט–פֿון דעם פּאַסטוך, דעם פֿעלז פֿון ישראל;
25 פֿון דעם גאָט פֿון דיין פֿאָטער וואָס העלפֿט דיר,
און פֿון שַדַי וואָס בענטשט דיך,
מיט ברכות פֿון הימל פֿון אויבן,
ברכות פֿון תּהום וואָס הויערט אונטן,
ברכות פֿון ברוסטן און טראַכט.
26 די ברכות פֿון דיין פֿאָטער שטייגן אַריבער
די ברכות פֿון מיינע עלטערן–
ביז דעם שפּיץ פֿון די אייביקע בערג.
זיי זאָלן זיין אויף דעם קאָפּ פֿון יוספֿן,
און אויפֿן שיידל דעם פֿירשט פֿון זיינע ברידער.

27 בנימין איז אַ וואָלף וואָס פֿאַרצוקט;
אין דער פֿרי עסט ער פֿאַנג,
און אין אָוונט טיילט ער רויב.

כ יְגוּדֶנּוּ וְהוּא יָגֻד עָקֵב׃ ס מֵאָשֵׁר שְׁמֵנָה לַחְמוֹ וְהוּא
כא יִתֵּן מַעֲדַנֵּי־מֶלֶךְ׃ ס נַפְתָּלִי אַיָּלָה שְׁלֻחָה הַנֹּתֵן אִמְרֵי־
כב שָׁפֶר׃ ס בֵּן פֹּרָת יוֹסֵף בֵּן פֹּרָת עֲלֵי־עָיִן בָּנוֹת צָעֲדָה
כג כד עֲלֵי־שׁוּר׃ וַיְמָרְרֻהוּ וָרֹבּוּ וַיִּשְׂטְמֻהוּ בַּעֲלֵי חִצִּים׃ וַתֵּשֶׁב
בְּאֵיתָן קַשְׁתּוֹ וַיָּפֹזּוּ זְרֹעֵי יָדָיו מִידֵי אֲבִיר יַעֲקֹב מִשָּׁם
כה רֹעֶה אֶבֶן יִשְׂרָאֵל׃ מֵאֵל אָבִיךָ וְיַעְזְרֶךָּ וְאֵת שַׁדַּי וִיבָרְכֶךָּ
בִּרְכֹת שָׁמַיִם מֵעָל בִּרְכֹת תְּהוֹם רֹבֶצֶת תָּחַת בִּרְכֹת
כו שָׁדַיִם וָרָחַם׃ בִּרְכֹת אָבִיךָ גָּבְרוּ עַל־בִּרְכֹת הוֹרַי עַד־
תַּאֲוַת גִּבְעֹת עוֹלָם תִּהְיֶיןָ לְרֹאשׁ יוֹסֵף וּלְקָדְקֹד נְזִיר אֶחָיו׃ פ
ששי בִּנְיָמִין זְאֵב יִטְרָף בַּבֹּקֶר יֹאכַל עַד וְלָעֶרֶב יְחַלֵּק שָׁלָל׃
כח כָּל־אֵלֶּה שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל שְׁנֵים עָשָׂר וְזֹאת אֲשֶׁר־דִּבֶּר
לָהֶם אֲבִיהֶם וַיְבָרֶךְ אוֹתָם אִישׁ אֲשֶׁר כְּבִרְכָתוֹ בֵּרַךְ
כט אֹתָם׃ וַיְצַו אוֹתָם וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֲנִי נֶאֱסָף אֶל־עַמִּי קִבְרוּ
אֹתִי אֶל־אֲבֹתָי אֶל־הַמְּעָרָה אֲשֶׁר בִּשְׂדֵה עֶפְרוֹן הַחִתִּי׃
ל בַּמְּעָרָה אֲשֶׁר בִּשְׂדֵה הַמַּכְפֵּלָה אֲשֶׁר־עַל־פְּנֵי מַמְרֵא
בְּאֶרֶץ כְּנָעַן אֲשֶׁר קָנָה אַבְרָהָם אֶת־הַשָּׂדֶה מֵאֵת עֶפְרֹן
לא הַחִתִּי לַאֲחֻזַּת־קָבֶר׃ שָׁמָּה קָבְרוּ אֶת־אַבְרָהָם וְאֵת שָׂרָה
אִשְׁתּוֹ שָׁמָּה קָבְרוּ אֶת־יִצְחָק וְאֵת רִבְקָה אִשְׁתּוֹ וְשָׁמָּה
לב קָבַרְתִּי אֶת־לֵאָה׃ מִקְנֵה הַשָּׂדֶה וְהַמְּעָרָה אֲשֶׁר־בּוֹ מֵאֵת
לג בְּנֵי־חֵת׃ וַיְכַל יַעֲקֹב לְצַוֹּת אֶת־בָּנָיו וַיֶּאֱסֹף רַגְלָיו אֶל־
הַמִּטָּה וַיִּגְוַע וַיֵּאָסֶף אֶל־עַמָּיו׃

נ

א ב וַיִּפֹּל יוֹסֵף עַל־פְּנֵי אָבִיו וַיֵּבְךְּ עָלָיו וַיִּשַּׁק־לוֹ׃ וַיְצַו יוֹסֵף
אֶת־עֲבָדָיו אֶת־הָרֹפְאִים לַחֲנֹט אֶת־אָבִיו וַיַּחַנְטוּ הָרֹפְאִים
ג אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּמְלְאוּ־לוֹ אַרְבָּעִים יוֹם כִּי כֵּן יִמְלְאוּ יְמֵי
ד הַחֲנֻטִים וַיִּבְכּוּ אֹתוֹ מִצְרַיִם שִׁבְעִים יוֹם׃ וַיַּעַבְרוּ יְמֵי
בְכִיתוֹ וַיְדַבֵּר יוֹסֵף אֶל־בֵּית פַּרְעֹה לֵאמֹר אִם־נָא מָצָאתִי

מט,כה׳ קמץ בזיק כז׳ קמץ בזיק

28 די אַלע זיינען די צוועלף שבטים פֿון ישראל, און דאָס איז וואָס זייער פֿאָטער האָט צו זיי גערעדט און זיי געבענטשט; איטלעכן ווי לויט זיין ברכה האָט ער זיי געבענטשט. 29 און ער האָט זיי באַפֿוילן, און זיי אָנגעזאָגט: איך ווער איינגעזאַמלט צו מיין פֿאָלק; באַגראָבט מיך לעבן מיינע עלטערן, אין דער הייל וואָס אין דעם פֿעלד פֿון עֶפרון דעם חִתי. 30 אין דער הייל וואָס אין דעם פֿעלד פֿון מַכפֵּלָה, וואָס פֿאַר מַמרֵא אין לאַנד כּנַעַן, וואָס אַברהם האָט אָפּגעקויפֿט מיטן פֿעלד פֿון עֶפרון דעם חִתי פֿאַר אַ קבר־אייגנטום– 31 דאָרטן האָט מען באַגראָבן אַברהמען און זיין ווייב שׂרהן, דאָרטן האָט מען באַגראָבן יצחקן און זיין ווייב רבקהן, און דאָרטן האָב איך באַגראָבן לאהן– 32 דער איינקויף פֿון דעם פֿעלד מיט דער הייל וואָס דרינען, פֿון די קינדער פֿון חֵת.

33 און ווי יעקב האָט געענדיקט זיין צַוָאָה צו זיינע זין, אַזוי האָט ער אַריינגענומען זיינע פֿיס אין בעט, און איז פֿאַרגאַנגען, און איז איינגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פֿאָלק.

נ 1 און יוסף איז געפֿאַלן אויף זיין פֿאָטערס פּנים, און ער האָט געוויינט איבער אים, און האָט אים געקושט. 2 און יוסף האָט באַפֿוילן זיינע קנעכט די רופֿאים איינצובאַלזאַמירן זיין פֿאָטער; און די רופֿאים האָבן איינגעבאַלזאַמירט ישׂראלן. 3 און עס זיינען דערפֿילט געוואָרן איבער אים פֿערציק טעג, וואָרום אַזוי פֿיל טעג מוזן דערפֿילט ווערן ביים איינבאַלזאַמירן. און די מִצרים האָבן אים באַוויינט זיבעציק טעג.
4 און אַז די טעג פֿון זיין באַוויינונג זיינען אַריבער, האָט יוסף גערעדט צו פַּרעהס הויז, אַזוי צו זאָגן: אויב, איך בעט

א וואָטשפּיל: גָד גְדוּד יְגוּדֶנּוּ.

חֵן בְּעֵינֵיכֶם דַּבְּרוּ־נָא בְּאָזְנֵי פַרְעֹה לֵאמֹר׃ אָבִי הִשְׁבִּיעַנִי ה
לֵאמֹר הִנֵּה אָנֹכִי מֵת בְּקִבְרִי אֲשֶׁר כָּרִיתִי לִי בְּאֶרֶץ כְּנַעַן
שָׁמָּה תִּקְבְּרֵנִי וְעַתָּה אֶעֱלֶה־נָּא וְאֶקְבְּרָה אֶת־אָבִי וְאָשׁוּבָה׃
וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה עֲלֵה וּקְבֹר אֶת־אָבִיךָ כַּאֲשֶׁר הִשְׁבִּיעֶךָ׃ ו
וַיַּעַל יוֹסֵף לִקְבֹּר אֶת־אָבִיו וַיַּעֲלוּ אִתּוֹ כָּל־עַבְדֵי פַרְעֹה ז
זִקְנֵי בֵיתוֹ וְכֹל זִקְנֵי אֶרֶץ־מִצְרָיִם׃ וְכֹל בֵּית יוֹסֵף וְאֶחָיו ח
וּבֵית אָבִיו רַק טַפָּם וְצֹאנָם וּבְקָרָם עָזְבוּ בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן׃
וַיַּעַל עִמּוֹ גַּם־רֶכֶב גַּם־פָּרָשִׁים וַיְהִי הַמַּחֲנֶה כָּבֵד מְאֹד׃ ט
וַיָּבֹאוּ עַד־גֹּרֶן הָאָטָד אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן וַיִּסְפְּדוּ־שָׁם י
מִסְפֵּד גָּדוֹל וְכָבֵד מְאֹד וַיַּעַשׂ לְאָבִיו אֵבֶל שִׁבְעַת יָמִים׃
וַיַּרְא יוֹשֵׁב הָאָרֶץ הַכְּנַעֲנִי אֶת־הָאֵבֶל בְּגֹרֶן הָאָטָד וַיֹּאמְרוּ יא
אֵבֶל־כָּבֵד זֶה לְמִצְרָיִם עַל־כֵּן קָרָא שְׁמָהּ אָבֵל מִצְרַיִם
אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן׃ וַיַּעֲשׂוּ בָנָיו לוֹ כֵּן כַּאֲשֶׁר צִוָּם׃ יב
וַיִּשְׂאוּ אֹתוֹ בָנָיו אַרְצָה כְּנַעַן וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ בִּמְעָרַת שְׂדֵה יג
הַמַּכְפֵּלָה אֲשֶׁר קָנָה אַבְרָהָם אֶת־הַשָּׂדֶה לַאֲחֻזַּת־קֶבֶר
מֵאֵת עֶפְרֹן הַחִתִּי עַל־פְּנֵי מַמְרֵא׃ וַיָּשָׁב יוֹסֵף מִצְרַיְמָה יד
הוּא וְאֶחָיו וְכָל־הָעֹלִים אִתּוֹ לִקְבֹּר אֶת־אָבִיו אַחֲרֵי קָבְרוֹ
אֶת־אָבִיו׃ וַיִּרְאוּ אֲחֵי־יוֹסֵף כִּי־מֵת אֲבִיהֶם וַיֹּאמְרוּ לוּ טו
יִשְׂטְמֵנוּ יוֹסֵף וְהָשֵׁב יָשִׁיב לָנוּ אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר גָּמַלְנוּ
אֹתוֹ׃ וַיְצַוּוּ אֶל־יוֹסֵף לֵאמֹר אָבִיךָ צִוָּה לִפְנֵי מוֹתוֹ לֵאמֹר׃ טז
כֹּה־תֹאמְרוּ לְיוֹסֵף אָנָּא שָׂא נָא לְפֶשַׁע אַחֶיךָ וְחַטָּאתָם יז
כִּי־רָעָה גְמָלוּךָ וְעַתָּה שָׂא נָא לְפֶשַׁע עַבְדֵי אֱלֹהֵי אָבִיךָ
וַיֵּבְךְּ יוֹסֵף בְּדַבְּרָם אֵלָיו׃ וַיֵּלְכוּ גַּם־אֶחָיו וַיִּפְּלוּ לְפָנָיו יח
וַיֹּאמְרוּ הִנֶּנּוּ לְךָ לַעֲבָדִים׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם יוֹסֵף אַל־ יט
תִּירָאוּ כִּי הֲתַחַת אֱלֹהִים אָנִי׃ וְאַתֶּם חֲשַׁבְתֶּם עָלַי רָעָה כ
אֱלֹהִים חֲשָׁבָהּ לְטֹבָה לְמַעַן עֲשֹׂה כַּיּוֹם הַזֶּה לְהַחֲיֹת
עַם־רָב׃ וְעַתָּה אַל־תִּירָאוּ אָנֹכִי אֲכַלְכֵּל אֶתְכֶם וְאֶת־ כא

יז׳ ב טעמים

דיך, איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין אייערע אויגן, רעדט, איך בעט אייך, אין די אויערן פון פּרעהן, אַזוי צו זאָגן: [5] מיין פאָטער האָט מיך באַשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: זע, איך שטאַרב; אין מיין קבר וואָס איך האָב מיר געגראָבן אין לאַנד כּנען, דאָרטן זאָלסטו מיך באַגראָבן. און אַצונד, לאָמיך אַרויפגיין, איך בעט דיך, און באַגראָבן מיין פאָטער, און זיך אומקערן.

[6] האָט פּרעה געזאָגט: גיי אַרויף, און באַגראָב דיין פאָטער, אַזוי ווי ער האָט דיך באַשוואָרן. [7] איז יוסף אַרויפגעגאַנגען צו באַגראָבן זיין פאָטער, און מיט אים זיינען אַרויפגעגאַנגען אַלע קנעכט פון פּרעהן, די עלטסטע פון זיין הויז, און אַלע עלטסטע פון לאַנד מצרים, [8] און דאָס גאַנצע הויזגעזינט פון יוספן, און זיינע ברידער, און זיין פאָטערס הויזגעזינט; בלויז זייערע קליינע קינדער, און זייערע שאָף און זייערע רינדער, האָבן זיי איבערגעלאָזן אין לאַנד גושן. [9] אויך רייטער און רייטוועגן זיינען אַרויפגעגאַנגען מיט אים, און די מחנה איז געווען זייער גרויס.

[10] און זיי זיינען געקומען ביז דעם שייער פון אָטָד וואָס אויף יענער זייט ירדן, און האָבן דאָרטן געקלאָגט זייער אַ גרויסע און שווערע קלאָג; און ער האָט געמאַכט אַ טרויער אויף זיין פאָטער זיבן טעג. [11] און דער באַוווינער פון לאַנד, דער כּנעני, האָט געזען דעם טרויער ביי דעם שייער פון אָטָד, און זיי האָבן געזאָגט: אַ שווערער טרויער איז דאָס ביי מצרים. דרום האָט מען גערופן דעם נאָמען דערפון אָבֵל־מצרים, וואָס אויף יענער זייט ירדן.

[12] און זיינע זין האָבן געטאָן צו אים אַזוי ווי ער האָט זיי באַפוילן. [13] און זיינע זין האָבן אים אַוועקגעטראָגן קיין לאַנד כּנען, און האָבן אים באַגראָבן אין דער הייל פון דעם פעלד פון מכפּלה, וואָס אברהם האָט אָפּגעקויפט מיטן פעלד, פאַר אַ קבר־אייגנטום, פון עפרון דעם חתי, פאַר ממרא.

[14] און יוסף האָט זיך אומגעקערט קיין מצרים, נאָכדעם ווי ער האָט באַגראָבן זיין פאָטער, ער און זיינע ברידער, און אַלע וואָס זיינען אַרויפגעגאַנגען מיט אים צו באַגראָבן זיין פאָטער.

[15] און ווי יוספס ברידער האָבן געזען אַז זייער פאָטער איז טויט, אַזוי האָבן זיי געזאָגט: אפשר וועט אונדז יוסף טראָגן אַ שנאה, און אומקערן וועט ער אונדז אומקערן אַלדאָס שלעכטס וואָס מיר האָבן אים געטאָן. [16] און זיי האָבן געהייסן זאָגן יוספן: דיין פאָטער האָט באַפוילן פאַר זיין טויט, אַזוי צו זאָגן: [17] „אַזוי זאָלט איר זאָגן צו יוספן: פאַרגיב, איך בעט דיך, דעם פאַרברעך פון דיינע ברידער און זייער חטא, וואָס זיי האָבן דיר שלעכטס געטאָן”. און אַצונד, פאַרגיב, איך בעט דיך, דעם פאַרברעך פון די קנעכט פון דיין פאָטערס גאָט. און יוסף האָט געוויינט אַז מע האָט צו אים גערעדט.

[18] און זיינע ברידער זיינען אויך געגאַנגען און זיינען אַנידערגעפאַלן פאַר אים, און האָבן געזאָגט: זע, מיר זיינען דיינע קנעכט. [19] האָט יוסף צו זיי געזאָגט: איר זאָלט ניט מורא האָבן; בין איך דען אויף דעם אָרט פון גאָט? [20] וואָרום איר האָט געמיינט אַ רעה פאַר מיר, אָבער גאָט האָט עס געמיינט פאַר אַ טובה, כדי צו מאַכן אַזוי ווי היינטיקן טאָג, צו דערהאַלטן ביים לעבן אַ סך פאָלק. [21] און אַצונד, זאָלט איר ניט מורא האָבן; איך וועל אויסהאַלטן אייך און

כב טַפְּכֶם וַיְנַחֵם אוֹתָם וַיְדַבֵּר עַל־לִבָּם׃ וַיֵּשֶׁב יוֹסֵף בְּמִצְרַיִם
מפ׳ הוּא וּבֵית אָבִיו וַיְחִי יוֹסֵף מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים׃ וַיַּרְא
יוֹסֵף לְאֶפְרַיִם בְּנֵי שִׁלֵּשִׁים גַּם בְּנֵי מָכִיר בֶּן־מְנַשֶּׁה יֻלְּדוּ
כד עַל־בִּרְכֵּי יוֹסֵף׃ וַיֹּאמֶר יוֹסֵף אֶל־אֶחָיו אָנֹכִי מֵת וֵאלֹהִים
פָּקֹד יִפְקֹד אֶתְכֶם וְהֶעֱלָה אֶתְכֶם מִן־הָאָרֶץ הַזֹּאת אֶל־
כה הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב׃ וַיַּשְׁבַּע
יוֹסֵף אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹהִים אֶתְכֶם
כו וְהַעֲלִתֶם אֶת־עַצְמֹתַי מִזֶּה׃ וַיָּמָת יוֹסֵף בֶּן־מֵאָה וָעֶשֶׂר
שָׁנִים וַיַּחַנְטוּ אֹתוֹ וַיִּישֶׂם בָּאָרוֹן בְּמִצְרָיִם׃

כג׳ ס׳ ובתי

אײַערע געזינטן. און ער האָט זײ געטרײסט, און זײ גערעדט צום האַרצן.

22 און יוסף איז געבליבן אין מִצרַיִם, ער און זײַן פּאָטערס הויזגעזינט; און יוסף האָט געלעבּט הונדערט און צען יאָר. 23 און יוסף האָט געזען פון אפרימען אור־אײניקלעך; אויך די קינדער פון מָכיר, מנשהס זון, זײַנען געבּאָרן געוואָרן אויף יוספס קני.

24 און יוסף האָט געזאָגט צו זײַנע בּרידער: איך שטאַרבּ; אָבער דערמאָנען וועט זיך גאָט דערמאָנען אָן אײַך, און ער וועט אײַך אויפבּרענגען פון דעם היגן לאַנד צו דעם לאַנד וואָס ער האָט צוגעשוואָרן אַבֿרהמען, יצחקן, און יעקבן. 25 און יוסף האָט בּאַשוואָרן די זין פון ישׂראלן, אַזוי צו זאָגן: דערמאָנען וועט זיך גאָט דערמאָנען אָן אײַך; זאָלט איר אויפבּרענגען מײַנע בּײנער פון דאַנען.

26 און יוסף איז געשטאָרבּן צו הונדערט און צען יאָר. און מע האָט אים אײַנגעבּאַלזאַמירט, און ער איז אַרײַנגעטאָן געוואָרן אין אַן אָרון אין מִצרַיִם.

# חזק

סכום פסוקי דספר בראשית אלף וחמש מאות ושלשים וארבעה.
א״ך ל״ד סימן: וחציו ועל חרבך תחיה: ופרשיותיו י״ב. זה
שמי לעלם סימן: וסדריו מ״ג. גם ברוך יהיה סימן: ופרקיו
נ׳. יי׳ חננו לך קוינו סימן: מניין הפתוחות שלשה וארבעים
והסתומות שמנה וארבעים. הכל תשעים ואחת פרשיות.
צא אתה וכל העם אשר ברגליך סימן:

# שְׁמוֹת

א וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה אֵת יַעֲקֹב אִישׁ
ב ג וּבֵיתוֹ בָּאוּ׃ רְאוּבֵן שִׁמְעוֹן לֵוִי וִיהוּדָה׃ יִשָּׂשכָר זְבוּלֻן
ד ה וּבִנְיָמִן׃ דָּן וְנַפְתָּלִי גָּד וְאָשֵׁר׃ וַיְהִי כָּל־נֶפֶשׁ יֹצְאֵי יֶרֶךְ־
ו יַעֲקֹב שִׁבְעִים נָפֶשׁ וְיוֹסֵף הָיָה בְמִצְרָיִם׃ וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל־
ז אֶחָיו וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא׃ וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ וַיִּשְׁרְצוּ וַיִּרְבּוּ
וַיַּעַצְמוּ בִּמְאֹד מְאֹד וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֹתָם׃ פ
ח וַיָּקָם מֶלֶךְ־חָדָשׁ עַל־מִצְרָיִם אֲשֶׁר לֹא־יָדַע אֶת־יוֹסֵף׃
ט וַיֹּאמֶר אֶל־עַמּוֹ הִנֵּה עַם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רַב וְעָצוּם מִמֶּנּוּ׃
י הָבָה נִתְחַכְּמָה לוֹ פֶּן־יִרְבֶּה וְהָיָה כִּי־תִקְרֶאנָה מִלְחָמָה
וְנוֹסַף גַּם־הוּא עַל־שֹׂנְאֵינוּ וְנִלְחַם־בָּנוּ וְעָלָה מִן־הָאָרֶץ׃
יא וַיָּשִׂימוּ עָלָיו שָׂרֵי מִסִּים לְמַעַן עַנֹּתוֹ בְּסִבְלֹתָם וַיִּבֶן עָרֵי
יב מִסְכְּנוֹת לְפַרְעֹה אֶת־פִּתֹם וְאֶת־רַעַמְסֵס׃ וְכַאֲשֶׁר יְעַנּוּ
יג אֹתוֹ כֵּן יִרְבֶּה וְכֵן יִפְרֹץ וַיָּקֻצוּ מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעֲבִדוּ
יד מִצְרַיִם אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּפָרֶךְ׃ וַיְמָרְרוּ אֶת־חַיֵּיהֶם
בַּעֲבֹדָה קָשָׁה בְּחֹמֶר וּבִלְבֵנִים וּבְכָל־עֲבֹדָה בַּשָּׂדֶה אֵת
טו כָּל־עֲבֹדָתָם אֲשֶׁר־עָבְדוּ בָהֶם בְּפָרֶךְ׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ
מִצְרַיִם לַמְיַלְּדֹת הָעִבְרִיֹּת אֲשֶׁר שֵׁם הָאַחַת שִׁפְרָה וְשֵׁם
טז הַשֵּׁנִית פּוּעָה׃ וַיֹּאמֶר בְּיַלֶּדְכֶן אֶת־הָעִבְרִיּוֹת וּרְאִיתֶן עַל־
הָאָבְנָיִם אִם־בֵּן הוּא וַהֲמִתֶּן אֹתוֹ וְאִם־בַּת הִוא וָחָיָה׃
יז וַתִּירֶאןָ הַמְיַלְּדֹת אֶת־הָאֱלֹהִים וְלֹא עָשׂוּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶן

ו׳ יתיה ד׳ שיטין בסיות ויתויל מהולות שיטה ה׳

א 1 און דאָס זיינען די נעמען פון די קינדער פון ישראל וואָס זיינען געקומען קיין מִצְרַיִם מיט יעקבן; איטלעכער מיט זיין הויזגעזינט זיינען זיי געקומען: 2 רְאוּבֵן, שמעון, לֵוִי, און יהודה; 3 יִשָּׂשכָר, זבולון, און בִּנימין; 4 דָן און נפתלי, גָד און אָשר. 5 און אַלע נפשות וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון יעקבס דיך, זיינען געווען זיבעציק נפשות; און יוסף איז שוין געווען אין מִצרַיִם.

6 איז געשטאָרבן יוסף, און אַלע זיינע בּרידער, און יענער גאַנצער דָור. 7 און די קינדער פון ישראל האָבן זיך געפרוכפּערט, און זיך געווידמענט און גֶעמערט, און זיי זיינען געוואָרן זייער שטאַרק, און דאָס גאַנצע לאַנד איז פול געוואָרן מיט זיי.

8 איז אויפגעשטאַנען אַ נייער מלך איבער מִצרַיִם, וואָס האָט ניט געקענט יוספן. 9 און ער האָט געזאָגט צו זיין פאָלק: זעט, דאָס פאָלק פון די קינדער פון ישראל איז מערער און שטאַרקער פון אונדז. 10 קומט לאָמיר זיך קליגן קעגן אים; אַניט וועט ער זיך מערן, און עס וועט זיין, אַז עס וועט זיך טרעפן אַ מלחמה, וועט ער אויך צושטיין צו אונדזערע פיינט, און ער וועט מלחמה האַלטן אויף אונדז, און וועט אַרויסגיין פון לאַנד.

11 האָבן זיי געמאַכט איבער אים צינזהאַרן, כדי אים צו פייניקן מיט זייערע לאַסטאַרבעט, און ער האָט געבויט שפּייכלערשטעט פאַר פַּרעהן, פִּתום און רַעְמסֵס. 12 אָבער ווי זיי האָבן אים געפּייניקט, אַזוי האָט ער זיך געמערט, און אַזוי האָט ער זיך צעשפּרייט; און זיי זיינען געווען אין שרעק פאַר די קינדער פון ישראל. 13 און די מִצרים האָבן געמאַכט אַרבעטן די קינדער פון ישראל מיט האַרטיקייט. 14 און זיי האָבן פאַרביטערט זייער לעבן מיט שווערער אַרבעט, בּיי ליים און בּיי ציגל, און בּיי אַלערליי אַרבעט אין פעלד; אַלדי אַרבעט זייערע וואָס זיי האָבן מיט זיי געאַרבעט, איז געווען מיט האַרטיקייט.

15 און דער מלך פון מִצרַיִם האָט גערעדט צו די יִדישע הייבּינס, וואָס דער נאָמען פון איינער איז געווען שִׁפרָה, און דער נאָמען פון דער צווייטער פּוּעָה, 16 און ער האָט געזאָגט: אַז איר העלפט די יִדישע ווייבער געבּערן, זאָלט איר זען אויפן בראָכשטול, אויב דאָס איז אַ זון, זאָלט איר אים טייטן, און אויב דאָס איז אַ טאָכטער, זאָל זי בלייבן לעבן.

17 אָבער די הייבּינס האָבן מורא געהאַט פאַר גאָט, און זיי האָבן ניט געטאָן אַזוי ווי דער מלך פון מִצרַיִם האָט זיי

אַנגעזאָגט, און זיי האָבן געלאָזט לעבן די ייִנגלעך. [18] האָט דער מלך פֿון מִצרַיִם גערופֿן די הייבינס, און האָט צו זיי געזאָגט: פֿאַרוואָס האָט איר געטאָן דידאָזיקע זאַך, און געלאָזט לעבן די ייִנגלעך? [19] האָבן די הייבינס געזאָגט צו פַּרעהן: ווייל ניט אַזוי ווי די מִצרישע ווייבער זיינען די ייִדישע; וואָרום זיי זיינען לעבהאַפטיק; איידער די הייבין קומט צו זיי, האָבן זיי שוין געבאָרן.

[20] און גאָט האָט באַגיטיקט די הייבינס; און דאָס פֿאָלק האָט זיך געמערט, און זיי זיינען געוואָרן זייער שטאַרק. [21] און עס איז געווען, ווייל די הייבינס האָבן מורא געהאַט פֿאַר גאָט, האָט ער זיי געמאַכט הייזער.

[22] און פַּרעה האָט באַפֿוילן זיין גאַנצן פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: יעטוועדער זון וואָס ווערט געבאָרן, זאָלט איר אים אין טייך אַריינוואַרפֿן, און יעטוועדער טאָכטער זאָלט איר לאָזן לעבן.

ב [1] און אַ מאַן פֿון דעם הויז פֿון לֵוִי איז געגאַנגען און האָט גענומען אַ טאָכטער פֿון לֵוִי. [2] און די פֿרוי איז טראָגעדיק געוואָרן, און האָט געבאָרן אַ זון; און זי האָט אים געזען אַז ער איז שיין, און האָט אים באַהאַלטן דריי חדשים. [3] און אַז זי האָט אים מער ניט געקענט באַהאַלטן, האָט זי גענומען פֿאַר אים אַ קעסטל פֿון יאַמש, און האָט עס אויסגעקלעפּט מיט ליים און מיט פּעך; און זי האָט אַריינגעטאָן דערין דאָס קינד, און האָט עס אַהינגעטאָן אין די ריטלעך ביים ברעג טייך. [4] און זיין שוועסטער האָט זיך געשטעלט פֿון דער ווייטן, צו וויסן וואָס מיט אים וועט געשען.

[5] און די טאָכטער פֿון פַּרעהן האָט אַראָפּגענידערט זיך צו באָדן אין טייך; און אירע מיידלעך זיינען אומגעגאַנגען ביין זייט טייך. האָט זי דערזען דאָס קעסטל צווישן די ריטלעך, און זי האָט געשיקט איר דינסט, און האָט עס געלאָזט נעמען. [6] און זי האָט עס געעפֿנט, און האָט עס דערזען—דאָס קינד—ערשט אַ ייִנגל וואָס וויינט. האָט זי זיך דערבאַרימט אויף אים, און האָט געזאָגט: פֿון די קינדער פֿון די עִברים איז דערדאָזיקער. [7] האָט זיין שוועסטער געזאָגט צו פַּרעהס טאָכטער: זאָל איך גיין און דיר רופֿן אַ זייגפֿרוי פֿון די ייִדישע ווייבער, אַז זי זאָל זייגן פֿאַר דיר דאָס קינד? [8] האָט פַּרעהס טאָכטער צו איר געזאָגט: גיי. איז די מיידל געגאַנגען און האָט גערופֿן די מוטער פֿון דעם קינד. [9] און פַּרעהס טאָכטער האָט צו איר געזאָגט: נעם אַוועק דאָסדאָזיקע קינד, און זייג עס פֿאַר מיר, און איך וועל דיר געבן דיין לוין. האָט די פֿרוי גענומען דאָס קינד, און האָט עס געזייגט.

[10] און אַז דאָס קינד איז גרעסער געוואָרן, האָט זי אים געבראַכט צו פַּרעהס טאָכטער, און ער איז איר געוואָרן פֿאַר אַ זון. און זי האָט גערופֿן זיין נאָמען מֹשֶה, און האָט געזאָגט: ווייל פֿון וואַסער האָב איך אים אַרויסגעצויגן[א].

[11] און עס איז געווען אין יענע טעג, אַז משה איז אויפֿגעוואַקסן, איז ער אַרויסגעגאַנגען צו זיינע ברידער, און האָט זיך צוגעקוקט צו זייערע לאַסטאַרבעט; און ער האָט געזען אַ מאַן אַ מִצרי שלאָגן אַ מאַן אַ ייִדן, פֿון זיינע ברידער. [12] האָט ער זיך אומגעקוקט אַהער און אַהין, און אַז ער האָט געזען אַז קיין מענטש איז ניטאָ,

שני מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַתְּחַיֶּיןָ אֶת־הַיְלָדִים׃ וַיִּקְרָא מֶלֶךְ־מִצְרַיִם
לַמְיַלְּדֹת וַיֹּאמֶר לָהֶן מַדּוּעַ עֲשִׂיתֶן הַדָּבָר הַזֶּה וַתְּחַיֶּיןָ
יט אֶת־הַיְלָדִים׃ וַתֹּאמַרְןָ הַמְיַלְּדֹת אֶל־פַּרְעֹה כִּי לֹא כַנָּשִׁים
הַמִּצְרִיֹּת הָעִבְרִיֹּת כִּי־חָיוֹת הֵנָּה בְּטֶרֶם תָּבוֹא אֲלֵהֶן
כ הַמְיַלֶּדֶת וְיָלָדוּ׃ וַיֵּיטֶב אֱלֹהִים לַמְיַלְּדֹת וַיִּרֶב הָעָם וַיַּעַצְמוּ
כא מְאֹד׃ וַיְהִי כִּי־יָרְאוּ הַמְיַלְּדֹת אֶת־הָאֱלֹהִים וַיַּעַשׂ לָהֶם
כב בָּתִּים׃ וַיְצַו פַּרְעֹה לְכָל־עַמּוֹ לֵאמֹר כָּל־הַבֵּן הַיִּלּוֹד הַיְאֹרָה
תַּשְׁלִיכֻהוּ וְכָל־הַבַּת תְּחַיּוּן׃ פ

ב

א ב וַיֵּלֶךְ אִישׁ מִבֵּית לֵוִי וַיִּקַּח אֶת־בַּת־לֵוִי׃ וַתַּהַר הָאִשָּׁה
וַתֵּלֶד בֵּן וַתֵּרֶא אֹתוֹ כִּי־טוֹב הוּא וַתִּצְפְּנֵהוּ שְׁלֹשָׁה יְרָחִים׃
ג וְלֹא־יָכְלָה עוֹד הַצְּפִינוֹ וַתִּקַּח־לוֹ תֵּבַת גֹּמֶא וַתַּחְמְרָה
בַחֵמָר וּבַזָּפֶת וַתָּשֶׂם בָּהּ אֶת־הַיֶּלֶד וַתָּשֶׂם בַּסּוּף עַל־
ד שְׂפַת הַיְאֹר׃ וַתֵּתַצַּב אֲחֹתוֹ מֵרָחֹק לְדֵעָה מַה־יֵּעָשֶׂה
ה לוֹ׃ וַתֵּרֶד בַּת־פַּרְעֹה לִרְחֹץ עַל־הַיְאֹר וְנַעֲרֹתֶיהָ הֹלְכֹת
עַל־יַד הַיְאֹר וַתֵּרֶא אֶת־הַתֵּבָה בְּתוֹךְ הַסּוּף וַתִּשְׁלַח אֶת־
ו אֲמָתָהּ וַתִּקָּחֶהָ׃ וַתִּפְתַּח וַתִּרְאֵהוּ אֶת־הַיֶּלֶד וְהִנֵּה־נַעַר
ז בֹּכֶה וַתַּחְמֹל עָלָיו וַתֹּאמֶר מִיַּלְדֵי הָעִבְרִים זֶה׃ וַתֹּאמֶר
אֲחֹתוֹ אֶל־בַּת־פַּרְעֹה הַאֵלֵךְ וְקָרָאתִי לָךְ אִשָּׁה מֵינֶקֶת
ח מִן הָעִבְרִיֹּת וְתֵינִק לָךְ אֶת־הַיָּלֶד׃ וַתֹּאמֶר־לָהּ בַּת־פַּרְעֹה
ט לֵכִי וַתֵּלֶךְ הָעַלְמָה וַתִּקְרָא אֶת־אֵם הַיָּלֶד׃ וַתֹּאמֶר לָהּ
בַּת־פַּרְעֹה הֵילִיכִי אֶת־הַיֶּלֶד הַזֶּה וְהֵינִקִהוּ לִי וַאֲנִי אֶתֵּן
י אֶת־שְׂכָרֵךְ וַתִּקַּח הָאִשָּׁה הַיֶּלֶד וַתְּנִיקֵהוּ׃ וַיִּגְדַּל הַיֶּלֶד
וַתְּבִאֵהוּ לְבַת־פַּרְעֹה וַיְהִי־לָהּ לְבֵן וַתִּקְרָא שְׁמוֹ מֹשֶׁה
יא וַתֹּאמֶר כִּי מִן־הַמַּיִם מְשִׁיתִהוּ׃ וַיְהִי בַּיָּמִים הָהֵם וַיִּגְדַּל
מֹשֶׁה וַיֵּצֵא אֶל־אֶחָיו וַיַּרְא בְּסִבְלֹתָם וַיַּרְא אִישׁ מִצְרִי
יב מַכֶּה אִישׁ־עִבְרִי מֵאֶחָיו׃ וַיִּפֶן כֹּה וָכֹה וַיַּרְא כִּי אֵין אִישׁ

ב, ג׳ ה בלא מפיק

[א] מְשִׁיתִהוּ.

יג וַיַּךְ אֶת־הַמִּצְרִי וַיִּטְמְנֵהוּ בַּחוֹל׃ וַיֵּצֵא בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי וְהִנֵּה
שְׁנֵי־אֲנָשִׁים עִבְרִים נִצִּים וַיֹּאמֶר לָרָשָׁע לָמָּה תַכֶּה רֵעֶךָ׃
יד וַיֹּאמֶר מִי שָׂמְךָ לְאִישׁ שַׂר וְשֹׁפֵט עָלֵינוּ הַלְהָרְגֵנִי אַתָּה
אֹמֵר כַּאֲשֶׁר הָרַגְתָּ אֶת־הַמִּצְרִי וַיִּירָא מֹשֶׁה וַיֹּאמַר אָכֵן
טו נוֹדַע הַדָּבָר׃ וַיִּשְׁמַע פַּרְעֹה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וַיְבַקֵּשׁ לַהֲרֹג
אֶת־מֹשֶׁה וַיִּבְרַח מֹשֶׁה מִפְּנֵי פַרְעֹה וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ־מִדְיָן
טז וַיֵּשֶׁב עַל־הַבְּאֵר׃ וּלְכֹהֵן מִדְיָן שֶׁבַע בָּנוֹת וַתָּבֹאנָה
וַתִּדְלֶנָה וַתְּמַלֶּאנָה אֶת־הָרְהָטִים לְהַשְׁקוֹת צֹאן אֲבִיהֶן׃
יז וַיָּבֹאוּ הָרֹעִים וַיְגָרְשׁוּם וַיָּקָם מֹשֶׁה וַיּוֹשִׁעָן וַיַּשְׁקְ אֶת־
יח צֹאנָם׃ וַתָּבֹאנָה אֶל־רְעוּאֵל אֲבִיהֶן וַיֹּאמֶר מַדּוּעַ מִהַרְתֶּן
יט בֹּא הַיּוֹם׃ וַתֹּאמַרְןָ אִישׁ מִצְרִי הִצִּילָנוּ מִיַּד הָרֹעִים וְגַם־
כ דָּלֹה דָלָה לָנוּ וַיַּשְׁקְ אֶת־הַצֹּאן׃ וַיֹּאמֶר אֶל־בְּנֹתָיו וְאַיּוֹ
כא לָמָּה זֶּה עֲזַבְתֶּן אֶת־הָאִישׁ קִרְאֶן לוֹ וְיֹאכַל לָחֶם׃ וַיּוֹאֶל
מֹשֶׁה לָשֶׁבֶת אֶת־הָאִישׁ וַיִּתֵּן אֶת־צִפֹּרָה בִתּוֹ לְמֹשֶׁה׃
כב וַתֵּלֶד בֵּן וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ גֵּרְשֹׁם כִּי אָמַר גֵּר הָיִיתִי
בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה׃ פ
כג וַיְהִי בַיָּמִים הָרַבִּים הָהֵם וַיָּמָת מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַיֵּאָנְחוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל מִן־הָעֲבֹדָה וַיִּזְעָקוּ וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל־הָאֱלֹהִים מִן־
כד הָעֲבֹדָה׃ וַיִּשְׁמַע אֱלֹהִים אֶת־נַאֲקָתָם וַיִּזְכֹּר אֱלֹהִים אֶת־
כה בְּרִיתוֹ אֶת־אַבְרָהָם אֶת־יִצְחָק וְאֶת־יַעֲקֹב׃ וַיַּרְא אֱלֹהִים
אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּדַע אֱלֹהִים׃ ס

ג

רב׳ וּמֹשֶׁה הָיָה רֹעֶה אֶת־צֹאן יִתְרוֹ חֹתְנוֹ כֹּהֵן מִדְיָן וַיִּנְהַג
אֶת־הַצֹּאן אַחַר הַמִּדְבָּר וַיָּבֹא אֶל־הַר הָאֱלֹהִים חֹרֵבָה׃
ב וַיֵּרָא מַלְאַךְ יְהוָה אֵלָיו בְּלַבַּת־אֵשׁ מִתּוֹךְ הַסְּנֶה וַיַּרְא
ג וְהִנֵּה הַסְּנֶה בֹּעֵר בָּאֵשׁ וְהַסְּנֶה אֵינֶנּוּ אֻכָּל׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה
אָסֻרָה־נָּא וְאֶרְאֶה אֶת־הַמַּרְאֶה הַגָּדֹל הַזֶּה מַדּוּעַ לֹא־

ג, א׳ בתביר

האָט ער דערשלאָגן דעם מִצרי, און האָט אים באַהאַלטן אין זאַמד. 13 און ער איז אַרויסגעגאַנגען אויפן צווייטן טאָג, ערשט צוויי מענער ייִדן ראַנגלען זיך; האָט ער געזאָגט צו דעם אומגערעכטן: פאַרוואָס שלאָגסטו דיין חבר? 14 האָט יענער געזאָגט: ווער האָט דיך געמאַכט פאַר אַ מאַן אַ האַר און אַ ריכטער איבער אונדז? צי מיינסטו מיך צו הרגען, אַזוי ווי דו האָסט געהרגעט דעם מִצרי? האָט משה מורא געקראָגן, און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָר, די זאַך איז דערוווּסט געוואָרן.

15 און פַּרעה האָט געהערט פון דערדאָזיקער זאַך, און ער האָט געוואָלט הרגען משהן. איז משה אַנטלאָפן פון פאַר פַּרעהן, און ער האָט זיך באַזעצט אין לאַנד מִדיָן; און ער איז געזעסן ביי אַ ברונעם. 16 און דער פּריסטער פון מִדיָן האָט געהאַט זיבן טעכטער; זיינען זיי געקומען, און האָבן אָנגעשעפּט און אָנגעפילט די קאָריטעס, כּדי אָנצוטרינקען די שאָף פון זייער פאָטער. 17 אָבער די פּאַסטוכער זיינען געקומען, און האָבן זיי אַוועקגעטריבן. איז משה אויפגעשטאַנען און האָט זיי געהאָלפן, און האָט אָנגעטרונקען זייער שאָף. 18 און אַז זיי זיינען געקומען צו זייער פאָטער רְעוּאֵלן, האָט ער געזאָגט: פאַרוואָס זייט איר היינט געקומען אַזוי גיך? 19 האָבן זיי געזאָגט: אַ מאַן אַ מִצרי האָט אונדז געהאָלפן פון דער האַנט פון די פּאַסטוכער, און אויך אָנשעפּן האָט ער אָנגעשעפּט פאַר אונדז, און האָט אָנגעטרונקען די שאָף. 20 האָט ער געזאָגט צו זיינע טעכטער: און אַווּ איז ער? פאַרוואָס דען האָט איר דעם מאַן איבערגעלאָזט? רופט אים, און זאָל ער עסן ברויט.

21 און משה האָט איינגעוויליקט צו בלייבן ביי דעם מאַן; און ער האָט געגעבן משהן זיין טאָכטער צִפּוֹרָהן. 22 און זי האָט געבאָרן אַ זון, און ער האָט גערופן זיין נאָמען גֵרשום, ווייל ער האָט געזאָגט: איך בין אַ פרעמדער[א] אין אַ פרעמדן לאַנד.

23 און עס איז געווען אין יענער לאַנגער צייט, איז געשטאָרבן דער מלך פון מִצרַיִם, און די קינדער פון ישׂראל האָבן געזיפצט פון דער קנעכטשאַפט, און זיי האָבן געשריִען, און זייער געשריי איז אויפגעגאַנגען צו גאָט פון דער קנעכטשאַפט. 24 און גאָט האָט געהערט זייער קרעכצן, און גאָט האָט געדאַכט אָן זיין בונד מיט אַברהמען, מיט יצחקן, און מיט יעקבן. 25 און גאָט האָט געזען די קינדער פון ישׂראל, און גאָט האָט געמערקט.

ג 1 און משה האָט געפּיטערט די שאָף פון זיין שווער יִתרון, דעם פּריסטער פון מִדיָן, און ער האָט געפירט די שאָף צום מדבר צו, און ער איז געקומען צום באַרג פון גאָט, צו חורֵב. 2 האָט זיך באַוויזן צו אים אַ מלאך פון גאָט אין אַ פלאַמפייער פון מיטן פון אַ דאָרן, און ער האָט געזען, ערשט דער דאָרן ברענט אין פייער, און דער דאָרן ווערט ניט פאַרצערט. 3 האָט משה געזאָגט: לאָמיך אַקאָרשט אָפּקערן און זען דידאָזיקע גרויסע זעאונג, פאַרוואָס

א גֵר.

דער דאָרן ווערט ניט פאַרברענט. [4] און ווי גאָט האָט געזען, אַז ער האָט אָפּגעקערט צו זען, אַזוי האָט גאָט גע־רופן צו אים פון מיטן דאָרן, און האָט געזאָגט: משה! משה! האָט ער געענטפערט: דאָ בין איך. [5] האָט ער געזאָגט: זאָלסט ניט גענענען אַהער; טו אויס דיינע שיך פון דיינע פיס, וואָרום דער אָרט וואָס דו שטייסט אויף אים, דאָס איז הייליקע ערד. [6] און ער האָט געזאָגט: איך בין דער גאָט פון דיין פאָטער, דער גאָט פון אַברהמען, דער גאָט פון יצחקן, און דער גאָט פון יעקבן. און משה האָט פאַר־באָרגן זיין פנים, ווייל ער האָט מורא געהאַט צו קוקן אויף גאָט. [7] און גאָט האָט געזאָגט: זען געזען האָב איך די פּיין פון מיין פאָלק וואָס אין מִצרַיִם, און איך האָב צוגעהערט זיין געשריי פון וועגן זיינע דריקער, וואָרום איך ווייס זיינע ווייטאָקן. [8] און איך האָב אַראָפּגענידערט אים מציל צו זיין פון דער האַנט פון מִצרַיִם, און אים אויפצוברענגען פון יענעם לאַנד אין אַ גוטן און אַ ברייטן לאַנד, אין אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אין דעם אָרט פון דעם כנַעֲני, און דעם חִתּי, און דעם אֶמורי, און דעם פּרִזי, און דעם חִוִי, און דעם יבוסי. [9] און אַצונד, זע, דאָס געשריי פון די קינדער פון ישראל איז געקומען צו מיר, און איך האָב אויך געזען די דריקונג וואָס די מִצרים דריקן זיי. [10] דרום קום אַצונד, און איך וועל דיך שיקן צו פּרעהן, און צי אַרויס מיין פאָלק, די קינדער פון ישראל, פון מִצרַיִם. [11] האָט משה געזאָגט צו גאָט: ווער בין איך, אַז איך זאָל גיין צו פּרעהן, און אַז איך זאָל אַרויסציען די קינדער פון ישראל פון מִצרַיִם? [12] האָט ער געזאָגט: אָבער איך וועל זיין מיט דיר; און דאָס וועט דיר זיין דער צייכן, אַז איך האָב דיך געשיקט. ווען דו ציסט אַרויס דאָס פאָלק פון מִצרַיִם, וועט איר דינען גאָט אויף דעמדאָזיקן באַרג. [13] האָט משה געזאָגט צו גאָט: אָט קום איך צו די קינדער פון ישראל, און איך וועל זאָגן צו זיי: דער גאָט פון אַייערע עלטערן האָט מיך געשיקט צו אַייך, און זיי וועלן זאָגן צו מיר: וואָס איז זיין נאָמען? וואָס זאָל איך זאָגן צו זיי? [14] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: איך בין וועד איך בין. און ער האָט געזאָגט: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישראל: „איך בין" האָט מיך געשיקט צו אַייך. [15] און גאָט האָט ווייטער געזאָגט צו משהן: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישראל: יהוה, דער גאָט פון אַייערע עלטערן, דער גאָט פון אַברהמען, דער גאָט פון יצחקן, און דער גאָט פון יעקבן, האָט מיך געשיקט צו אַייך. דאָס איז מיין נאָמען אויף אייביק, און דאָס איז מיין געדעכעניש אויף דור־דורות. [16] גיי, און זאָלסט אַיינזאַמלען די עלטסטע פון ישראל, און זאָגן צו זיי: יהוה, דער גאָט פון אַייערע עלטערן,

ד יֻבָּעַר הַסְּנֶה׃ וַיַּרְא יְהוָה כִּי סָר לִרְאוֹת וַיִּקְרָא אֵלָיו
אֱלֹהִים מִתּוֹךְ הַסְּנֶה וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי׃
ה וַיֹּאמֶר אַל־תִּקְרַב הֲלֹם שַׁל־נְעָלֶיךָ מֵעַל רַגְלֶיךָ כִּי הַמָּקוֹם
ו אֲשֶׁר אַתָּה עוֹמֵד עָלָיו אַדְמַת־קֹדֶשׁ הוּא׃ וַיֹּאמֶר אָנֹכִי
אֱלֹהֵי אָבִיךָ אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אֱלֹהֵי יִצְחָק וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב
ז וַיַּסְתֵּר מֹשֶׁה פָּנָיו כִּי יָרֵא מֵהַבִּיט אֶל־הָאֱלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה רָאֹה רָאִיתִי אֶת־עֳנִי עַמִּי אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם וְאֶת־
צַעֲקָתָם שָׁמַעְתִּי מִפְּנֵי נֹגְשָׂיו כִּי יָדַעְתִּי אֶת־מַכְאֹבָיו׃
ח וָאֵרֵד לְהַצִּילוֹ ׀ מִיַּד מִצְרַיִם וּלְהַעֲלֹתוֹ מִן־הָאָרֶץ הַהִוא
אֶל־אֶרֶץ טוֹבָה וּרְחָבָה אֶל־אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ אֶל־
מְקוֹם הַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהָאֱמֹרִי וְהַפְּרִזִּי וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי׃
ט וְעַתָּה הִנֵּה צַעֲקַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בָּאָה אֵלָי וְגַם־רָאִיתִי אֶת־
י הַלַּחַץ אֲשֶׁר מִצְרַיִם לֹחֲצִים אֹתָם׃ וְעַתָּה לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ
יא אֶל־פַּרְעֹה וְהוֹצֵא אֶת־עַמִּי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם׃ וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה אֶל־הָאֱלֹהִים מִי אָנֹכִי כִּי אֵלֵךְ אֶל־פַּרְעֹה וְכִי
יב אוֹצִיא אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם׃ וַיֹּאמֶר כִּי־אֶהְיֶה
עִמָּךְ וְזֶה־לְּךָ הָאוֹת כִּי אָנֹכִי שְׁלַחְתִּיךָ בְּהוֹצִיאֲךָ אֶת־
הָעָם מִמִּצְרַיִם תַּעַבְדוּן אֶת־הָאֱלֹהִים עַל הָהָר הַזֶּה׃
יג וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־הָאֱלֹהִים הִנֵּה אָנֹכִי בָא אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְאָמַרְתִּי לָהֶם אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵיכֶם שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם וְאָמְרוּ־לִי
יד מַה־שְּׁמוֹ מָה אֹמַר אֲלֵהֶם׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֶל־מֹשֶׁה אֶהְיֶה
אֲשֶׁר אֶהְיֶה וַיֹּאמֶר כֹּה תֹאמַר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶהְיֶה שְׁלָחַנִי
טו אֲלֵיכֶם׃ וַיֹּאמֶר עוֹד אֱלֹהִים אֶל־מֹשֶׁה כֹּה תֹאמַר אֶל־
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֵיכֶם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אֱלֹהֵי
יִצְחָק וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב שְׁלָחַנִי אֲלֵיכֶם זֶה־שְּׁמִי לְעֹלָם וְזֶה
חמ' זִכְרִי לְדֹר דֹּר׃ לֵךְ וְאָסַפְתָּ אֶת־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ
אֲלֵהֶם יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֵיכֶם נִרְאָה אֵלַי אֱלֹהֵי אַבְרָהָם

ד' משה משה בלא פסיק ביניה

יִצְחָק וְיַעֲקֹב לֵאמֹר פָּקֹד פָּקַדְתִּי אֶתְכֶם וְאֶת־הֶעָשׂוּי
לָכֶם בְּמִצְרָיִם׃ וָאֹמַר אַעֲלֶה אֶתְכֶם מֵעֳנִי מִצְרַיִם אֶל־ יז
אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהָאֱמֹרִי וְהַפְּרִזִּי וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי אֶל־
אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ׃ וְשָׁמְעוּ לְקֹלֶךָ וּבָאתָ אַתָּה וְזִקְנֵי יח
יִשְׂרָאֵל אֶל־מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַאֲמַרְתֶּם אֵלָיו יְהוָה אֱלֹהֵי
הָעִבְרִיִּים נִקְרָה עָלֵינוּ וְעַתָּה נֵלֲכָה־נָּא דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים
בַּמִּדְבָּר וְנִזְבְּחָה לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ׃ וַאֲנִי יָדַעְתִּי כִּי לֹא־יִתֵּן יט
אֶתְכֶם מֶלֶךְ מִצְרַיִם לַהֲלֹךְ וְלֹא בְּיָד חֲזָקָה׃ וְשָׁלַחְתִּי כ
אֶת־יָדִי וְהִכֵּיתִי אֶת־מִצְרַיִם בְּכֹל נִפְלְאֹתַי אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה
בְּקִרְבּוֹ וְאַחֲרֵי־כֵן יְשַׁלַּח אֶתְכֶם׃ וְנָתַתִּי אֶת־חֵן הָעָם־ כא
הַזֶּה בְּעֵינֵי מִצְרָיִם וְהָיָה כִּי תֵלֵכוּן לֹא תֵלְכוּ רֵיקָם׃
וְשָׁאֲלָה אִשָּׁה מִשְּׁכֶנְתָּהּ וּמִגָּרַת בֵּיתָהּ כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי כב
זָהָב וּשְׂמָלֹת וְשַׂמְתֶּם עַל־בְּנֵיכֶם וְעַל־בְּנֹתֵיכֶם וְנִצַּלְתֶּם
אֶת־מִצְרָיִם׃

ד

וַיַּעַן מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר וְהֵן לֹא־יַאֲמִינוּ לִי וְלֹא יִשְׁמְעוּ בְּקֹלִי א
כִּי יֹאמְרוּ לֹא־נִרְאָה אֵלֶיךָ יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוָה מַזֶּה ב
בְיָדֶךָ וַיֹּאמֶר מַטֶּה׃ וַיֹּאמֶר הַשְׁלִיכֵהוּ אַרְצָה וַיַּשְׁלִכֵהוּ ג
אַרְצָה וַיְהִי לְנָחָשׁ וַיָּנָס מֹשֶׁה מִפָּנָיו׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־ ד
מֹשֶׁה שְׁלַח יָדְךָ וֶאֱחֹז בִּזְנָבוֹ וַיִּשְׁלַח יָדוֹ וַיַּחֲזֶק בּוֹ וַיְהִי
לְמַטֶּה בְּכַפּוֹ׃ לְמַעַן יַאֲמִינוּ כִּי־נִרְאָה אֵלֶיךָ יְהוָה אֱלֹהֵי ה
אֲבֹתָם אֱלֹהֵי אַבְרָהָם אֱלֹהֵי יִצְחָק וֵאלֹהֵי יַעֲקֹב׃ וַיֹּאמֶר ו
יְהוָה לוֹ עוֹד הָבֵא־נָא יָדְךָ בְּחֵיקֶךָ וַיָּבֵא יָדוֹ בְּחֵיקוֹ
וַיּוֹצִאָהּ וְהִנֵּה יָדוֹ מְצֹרַעַת כַּשָּׁלֶג׃ וַיֹּאמֶר הָשֵׁב יָדְךָ אֶל־ ז
חֵיקֶךָ וַיָּשֶׁב יָדוֹ אֶל־חֵיקוֹ וַיּוֹצִאָהּ מֵחֵיקוֹ וְהִנֵּה־שָׁבָה
כִּבְשָׂרוֹ׃ וְהָיָה אִם־לֹא יַאֲמִינוּ לָךְ וְלֹא יִשְׁמְעוּ לְקֹל הָאֹת ח
הָרִאשׁוֹן וְהֶאֱמִינוּ לְקֹל הָאֹת הָאַחֲרוֹן׃ וְהָיָה אִם־לֹא ט

---

ג,כ׳ קמץ בז״ק    ד,ב׳ מה זה ק׳

דער גאָט פון אַברהם, יצחק, און יעקב, האָט זיך באַוויזן צו מיר, אַזוי צו זאָגן: דאַכטן האָב איך געדאַכט אָן אײַך, און אָן וואָס אײַך ווערט געטאָן אין מִצרַיִם. [17] און איך האָב געזאָגט: איך וועל אײַך אויפברענגען פון דער פּײַן פון מִצרַיִם, אין לאַנד פון דעם כּנַעֲני, און דעם חִתּי, און דעם אֱמוֹרי, און דעם פּרִזי, און דעם חִוי, און דעם יבוּסי, אין אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. [18] און זיי וועלן צוהערן צו דײַן קָול, און וועסט קומען, דו און די עלטסטע פון ישׂראל, צו דעם מלך פון מִצרַיִם, און איר וועט זאָגן צו אים: יהוה, דער גאָט פון די עִבְרים, האָט זיך געטראָפן פאַר אונדז. און אַצונד, לאָמיר גיין, איך בעט דיך, דרײַ טעג וועגס אין דער מדבר, כּדי מיר זאָלן שלאַכטן צו יהוה אונדזער גאָט. [19] און איך ווייס אַז דער מלך פון מִצרַיִם וועט אײַך ניט לאָזן גיין סײַדן דורך אַ שטאַרקער האַנט. [20] וועל איך אויסשטרעקן מײַן האַנט, און איך וועל שלאָגן מִצרַיִם מיט אַלע מײַנע וווּנדער, וואָס איך וועל טאָן דערין, און דערנאָך וועט ער אײַך אַוועק לאָזן. [21] און איך וועל געבן דעמדאָזיקן פאָלק חן אין די אויגן פון מִצרַיִם, און עס וועט זײַן, אַז איר וועט אַרויסגיין, וועט איר ניט אַרויסגיין מיט ליידיקן; [22] נאָר יעטוועדער פרוי וועט אַנטלייען פון איר שכנטע, און פון דער וואָס וווינט מיט איר אין הויז, זילבערנע זאַכן, און גילדערנע זאַכן, און קליידער; און איר וועט זיי אָנטאָן אויף אײַערע זין און אויף אײַערע טעכטער, און איר וועט אויסליידיקן מִצרַיִם.

ד [1] האָט געענטפערט משה און האָט געזאָגט: אָבער זיי וועלן דאָך מיר ניט גלויבן, און וועלן ניט צוהערן צו מײַן קָול, וואָרום זיי וועלן זאָגן: גאָט האָט זיך ניט באַוויזן צו דיר. [2] האָט גאָט צו אים געזאָגט: וואָס איז דאָס אין דײַן האַנט? האָט ער געזאָגט: אַ שטעקן. [3] האָט ער געזאָגט: טו אים אַ וואָרף צו דער ערד. האָט ער אים אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד, און ער איז געוואָרן אַ שלאַנג; און משה איז אַנטלאָפן פאַר איר. [4] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: שטרעק אויס דײַן האַנט, און נעם זי אָן פאַרן עק–האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן האַנט, און האָט זי אָנגענומען, און זי איז געוואָרן אַ שטעקן אין זײַן האַנט–[5] כּדי זיי זאָלן גלויבן, אַז יהוה, דער גאָט פון זייערע עלטערן, דער גאָט פון אַברהמען, דער גאָט פון יצחקן, און דער גאָט פון יעקבן, האָט זיך באַוויזן צו דיר.

[6] און גאָט האָט ווידער צו אים געזאָגט: שטעק אַקאָרשט אַרײַן דײַן האַנט אין דײַן בוזעם. האָט ער אַרײַנגעשטעקט זײַן האַנט אין זײַן בוזעם; און ווי ער האָט זי אַרויסגעצויגן, ערשט זײַן האַנט איז מצורע [ווייס] ווי שניי. [7] האָט ער געזאָגט: קער אום דײַן האַנט אין דײַן בוזעם. האָט ער אומגעקערט זײַן האַנט אין זײַן בוזעם; און ווי ער האָט זי אַרויסגעצויגן פון זײַן בוזעם, ערשט זי איז ווידער געוואָרן אַזוי ווי זײַן לײַב.

[8] „און עס וועט זײַן, אַז זיי וועלן דיר ניט גלויבן, און וועלן ניט צוהערן צו דעם קָול פון דעם ערשטן צייכן, וועלן זיי גלויבן דעם קָול פון דעם לעצטן צייכן. [9] און עס וועט זײַן, אַז זיי וועלן

דידאָזיקע בײדע צייכנס אויך ניט גלויבן, און וועלן ניט צוהערן צו דיין קָול, זאָלסטו נעמען פון די וואַסערן פון טײך, און אויסגיסן אויף דער יבשה, און דאָס וואַסער וואָס דו וועסט נעמען פון טײך, וועט ווערן בלוט אויף דער יבשה".

[10] האָט משה געזאָגט צו גאָט: איך בעט דיך, גאָט, איך בין ניט קיין מענטש פון ווערטער, סײ פון נעכטן, סײ פון אײערנעכטן, סײ פון זינט דו רעדסט צו דיין קנעכט; וואָרום איך בין שווער אויפן מויל, און שווער אויף דער צונג. [11] האָט גאָט געזאָגט צו אים: ווער האָט געמאַכט דעם מענטשן אַ מויל? אָדער ווער מאַכט שטום, אָדער טויב, אָדער זעעדיק, אָדער בלינד, אויב ניט איך, גאָט? [12] דרום גײ אַצונד, און איך וועל זיין מיט דיין מויל, און וועל דיך לערנען וואָס דו זאָלסט רעדן. [13] האָט ער געזאָגט: איך בעט דיך, גאָט, שיק דורך וועמען דו וועסט שיקן.

[14] האָט דער צאָרן פון גאָט געגרימט אויף משהן, און ער האָט געזאָגט: איז ניט פאַראַן אַהרן דיין ברודער, דער לֵוִי? איך ווייס אַז ער קען יאָ רעדן. און זע, ער גייט דיר נאָך אַרויס אַנטקעגן, און ווי ער וועט דיך דערזען, אַזוי וועט ער זיך האַרציק דערפרייען. [15] און וועסט רעדן צו אים, און וועסט אַרײנטאָן די ווערטער אין זיין מויל, און איך וועל זיין מיט דיין מויל, און מיט זיין מויל, און וועל אײַך לערנען וואָס איר זאָלט טאָן. [16] און ער וועט רעדן פאַר דיר צום פאָלק; און עס וועט זיין, ער וועט דיר זיין פאַר אַ מויל, און דו וועסט אים זיין ווי אַ גאָט. [17] און זאָלסט נעמען אין דיין האַנט דעמדאָזיקן שטעקן, וואָס מיט אים וועסטו טאָן די צייכנס.

[18] איז משה געגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט צו זיין שווער יִתרון, און האָט צו אים געזאָגט: לאָמיך גײן, איך בעט דיך, און זיך אומקערן צו מײנע ברידער וואָס אין מִצרַיִם, און לאָמיך זען אויב זיי לעבן נאָך. האָט יִתרו גע־זאָגט צו משהן: גײ בשלום.

[19] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן אין מִדיָן: גײ קער זיך אום קיין מִצרַיִם, וואָרום געשטאָרבן זיינען די אַלע מענטשן וואָס האָבן געזוכט דיין לעבן.

[20] האָט משה גענומען זיין ווייב און זיינע זין, און האָט זיי אַרויפגעזעצט אויף אַן אייזל, און ער האָט זיך אומגע־קערט קיין לאַנד מִצרַיִם. און משה האָט מיטגענומען דעם שטעקן פון גאָט אין זיין האַנט.

[21] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: ווען דו גײסט זיך אומקערן קיין מִצרַיִם, מערק אַלע ווונדער וואָס איך האָב אַרײנגעטאָן אין דיין האַנט, אַז דו זאָלסט זיי טאָן פאַר פַּרעהן; אָבער איך וועל פעסט מאַכן זיין האַרץ, און ער וועט ניט אַוועקלאָזן דאָס פאָלק. [22] און זאָלסט זאָגן צו פַּרעהן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: מיין ערשטגעבאָרענער זון איז ישׂראל; [23] און איך האָב צו דיר געזאָגט: לאָז אַוועק מיין זון, ער זאָל מיר דינען, און דו ווילסט אים ניט אַוועקלאָזן; זע, איך הרגע דיין ערשטגעבאָרענעם זון.

[24] און עס איז געווען אונטערוועגס אין אַ האַרבעריק, האָט אים באַגעגנט גאָט, און האָט אים געוואָלט

יַאֲמִינוּ גַּם לִשְׁנֵי הָאֹתוֹת הָאֵלֶּה וְלֹא יִשְׁמְעוּן לְקֹלֶךָ
וְלָקַחְתָּ מִמֵּימֵי הַיְאֹר וְשָׁפַכְתָּ הַיַּבָּשָׁה וְהָיוּ הַמַּיִם אֲשֶׁר
י תִּקַּח מִן־הַיְאֹר וְהָיוּ לְדָם בַּיַּבָּשֶׁת׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־
יְהוָה בִּי אֲדֹנָי לֹא אִישׁ דְּבָרִים אָנֹכִי גַּם מִתְּמוֹל גַּם
מִשִּׁלְשֹׁם גַּם מֵאָז דַּבֶּרְךָ אֶל־עַבְדֶּךָ כִּי כְבַד־פֶּה וּכְבַד
יא לְשׁוֹן אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו מִי שָׂם פֶּה לָאָדָם אוֹ
מִי־יָשׂוּם אִלֵּם אוֹ חֵרֵשׁ אוֹ פִקֵּחַ אוֹ עִוֵּר הֲלֹא אָנֹכִי יְהוָה׃
יב וְעַתָּה לֵךְ וְאָנֹכִי אֶהְיֶה עִם־פִּיךָ וְהוֹרֵיתִיךָ אֲשֶׁר תְּדַבֵּר׃
יג וַיֹּאמֶר בִּי אֲדֹנָי שְׁלַח־נָא בְּיַד־תִּשְׁלָח׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה
יד בְּמֹשֶׁה וַיֹּאמֶר הֲלֹא אַהֲרֹן אָחִיךָ הַלֵּוִי יָדַעְתִּי כִּי־דַבֵּר
יְדַבֵּר הוּא וְגַם הִנֵּה־הוּא יֹצֵא לִקְרָאתֶךָ וְרָאֲךָ וְשָׂמַח
טו בְּלִבּוֹ׃ וְדִבַּרְתָּ אֵלָיו וְשַׂמְתָּ אֶת־הַדְּבָרִים בְּפִיו וְאָנֹכִי
אֶהְיֶה עִם־פִּיךָ וְעִם־פִּיהוּ וְהוֹרֵיתִי אֶתְכֶם אֵת אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּן׃
טז וְדִבֶּר־הוּא לְךָ אֶל־הָעָם וְהָיָה הוּא יִהְיֶה־לְּךָ לְפֶה וְאַתָּה
יז תִּהְיֶה־לּוֹ לֵאלֹהִים׃ וְאֶת־הַמַּטֶּה הַזֶּה תִּקַּח בְּיָדֶךָ אֲשֶׁר
תַּעֲשֶׂה־בּוֹ אֶת־הָאֹתֹת׃ פ
ששי וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיָּשָׁב ׀ אֶל־יֶתֶר חֹתְנוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ אֵלְכָה נָּא
וְאָשׁוּבָה אֶל־אַחַי אֲשֶׁר־בְּמִצְרַיִם וְאֶרְאֶה הַעוֹדָם חַיִּים
יט וַיֹּאמֶר יִתְרוֹ לְמֹשֶׁה לֵךְ לְשָׁלוֹם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
בְּמִדְיָן לֵךְ שֻׁב מִצְרָיִם כִּי־מֵתוּ כָּל־הָאֲנָשִׁים הַמְבַקְשִׁים
כ אֶת־נַפְשֶׁךָ׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־אִשְׁתּוֹ וְאֶת־בָּנָיו וַיַּרְכִּבֵם
עַל־הַחֲמֹר וַיָּשָׁב אַרְצָה מִצְרָיִם וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־מַטֵּה
כא הָאֱלֹהִים בְּיָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בְּלֶכְתְּךָ לָשׁוּב
מִצְרַיְמָה רְאֵה כָּל־הַמֹּפְתִים אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי בְיָדֶךָ וַעֲשִׂיתָם
לִפְנֵי פַרְעֹה וַאֲנִי אֲחַזֵּק אֶת־לִבּוֹ וְלֹא יְשַׁלַּח אֶת־הָעָם׃
כב וְאָמַרְתָּ אֶל־פַּרְעֹה כֹּה אָמַר יְהוָה בְּנִי בְכֹרִי יִשְׂרָאֵל׃
כג וָאֹמַר אֵלֶיךָ שַׁלַּח אֶת־בְּנִי וְיַעַבְדֵנִי וַתְּמָאֵן לְשַׁלְּחוֹ הִנֵּה אָנֹכִי
כד הֹרֵג אֶת־בִּנְךָ בְּכֹרֶךָ׃ וַיְהִי בַדֶּרֶךְ בַּמָּלוֹן וַיִּפְגְּשֵׁהוּ יְהוָה

וַיְבַקֵּשׁ הֲמִיתוֹ׃ וַתִּקַּח צִפֹּרָה צֹר וַתִּכְרֹת אֶת־עָרְלַת בְּנָהּ כה
וַתַּגַּע לְרַגְלָיו וַתֹּאמֶר כִּי חֲתַן־דָּמִים אַתָּה לִי׃ וַיִּרֶף מִמֶּנּוּ כו
אָז אָמְרָה חֲתַן דָּמִים לַמּוּלֹת׃ פ
וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־אַהֲרֹן לֵךְ לִקְרַאת מֹשֶׁה הַמִּדְבָּרָה וַיֵּלֶךְ כז
וַיִּפְגְּשֵׁהוּ בְּהַר הָאֱלֹהִים וַיִּשַּׁק־לוֹ׃ וַיַּגֵּד מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן כח
אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ וְאֵת כָּל־הָאֹתֹת אֲשֶׁר
צִוָּהוּ׃ וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן וַיַּאַסְפוּ אֶת־כָּל־זִקְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ כט
וַיְדַבֵּר אַהֲרֹן אֵת כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה אֶל־ ל
מֹשֶׁה וַיַּעַשׂ הָאֹתֹת לְעֵינֵי הָעָם׃ וַיַּאֲמֵן הָעָם וַיִּשְׁמְעוּ כִּי־ לא
פָקַד יְהוָה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְכִי רָאָה אֶת־עָנְיָם וַיִּקְּדוּ
וַיִּשְׁתַּחֲווּ׃

ה

וְאַחַר בָּאוּ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֶל־פַּרְעֹה כֹּה־אָמַר שב'
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל שַׁלַּח אֶת־עַמִּי וְיָחֹגּוּ לִי בַּמִּדְבָּר׃
וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה מִי יְהוָה אֲשֶׁר אֶשְׁמַע בְּקֹלוֹ לְשַׁלַּח אֶת־ ב
יִשְׂרָאֵל לֹא יָדַעְתִּי אֶת־יְהוָה וְגַם אֶת־יִשְׂרָאֵל לֹא אֲשַׁלֵּחַ׃
וַיֹּאמְרוּ אֱלֹהֵי הָעִבְרִים נִקְרָא עָלֵינוּ נֵלֲכָה נָּא דֶּרֶךְ ג
שְׁלֹשֶׁת יָמִים בַּמִּדְבָּר וְנִזְבְּחָה לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ פֶּן־יִפְגָּעֵנוּ
בַּדֶּבֶר אוֹ בֶחָרֶב׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מֶלֶךְ מִצְרַיִם לָמָּה מֹשֶׁה ד
וְאַהֲרֹן תַּפְרִיעוּ אֶת־הָעָם מִמַּעֲשָׂיו לְכוּ לְסִבְלֹתֵיכֶם׃
וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה הֵן־רַבִּים עַתָּה עַם הָאָרֶץ וְהִשְׁבַּתֶּם אֹתָם ה
מִסִּבְלֹתָם׃ וַיְצַו פַּרְעֹה בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־הַנֹּגְשִׂים בָּעָם ו
וְאֶת־שֹׁטְרָיו לֵאמֹר׃ לֹא תֹאסִפוּן לָתֵת תֶּבֶן לָעָם לִלְבֹּן ז
הַלְּבֵנִים כִּתְמוֹל שִׁלְשֹׁם הֵם יֵלְכוּ וְקֹשְׁשׁוּ לָהֶם תֶּבֶן׃
וְאֶת־מַתְכֹּנֶת הַלְּבֵנִים אֲשֶׁר הֵם עֹשִׂים תְּמוֹל שִׁלְשֹׁם ח
תָּשִׂימוּ עֲלֵיהֶם לֹא תִגְרְעוּ מִמֶּנּוּ כִּי־נִרְפִּים הֵם עַל־כֵּן
הֵם צֹעֲקִים לֵאמֹר נֵלְכָה נִזְבְּחָה לֵאלֹהֵינוּ׃ תִּכְבַּד הָעֲבֹדָה ט
עַל־הָאֲנָשִׁים וְיַעֲשׂוּ־בָהּ וְאַל־יִשְׁעוּ בְּדִבְרֵי־שָׁקֶר׃ וַיֵּצְאוּ י

טייטן. [25] האָט צפּוֹרה גענומען אַ שאַרפן שטיין, און האָט אָפּגעשניטן די פאָרהויט פון איר זון, און האָט צוגערירט צו זיינע פיס; און זי האָט געזאָגט: פאַרוואָר, אַ בלוט־חתן ביסטו מיר. [26] און ער האָט אים אָפּגעלאָזט. דענסטמאָל האָט זי דאָס געזאָגט „אַ בלוט־חתן", פון וועגן דער באַשניידונג.

[27] און גאָט האָט געזאָגט צו אַהרנען: גיי אַנטקעגן משהן צום מדבר. איז ער געגאַנגען, און האָט אים באַגעגנט אויפן באַרג פון גאָט, און ער האָט אים געקושט. [28] און משה האָט דערציילט אַהרנען אַלע ווערטער פון גאָט, מיט וואָס ער האָט אים געשיקט, און אַלע צייכנס וואָס ער האָט אים באַפוילן.

[29] און משה און אַהרן זיינען געגאַנגען און האָבן איינגעזאַמלט אַלע עלטסטע פון די קינדער פון ישראל. [30] און אַהרן האָט גערעדט אַלע ווערטער, וואָס גאָט האָט גערעדט צו משהן, און ער האָט געטאָן די צייכנס פאַר די אויגן פון פאָלק. [31] און דאָס פאָלק האָט געגלויבט; און ווי זיי האָבן געהערט אַז גאָט האָט געדאַכט אָן די קינדער פון ישראל, און אַז ער האָט געזען זייער פּיין, אַזוי האָבן זיי זיך געניגט און זיך געבוקט.

ה [1] און דערנאָך זיינען משה און אַהרן געקומען, און האָבן געזאָגט צו פּרעהן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון ישראל: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן האַלטן אַ יום־טוב צו מיר אין דער מדבר. [2] האָט פּרעה געזאָגט: ווער איז יהוה, אַז איך זאָל צוהערן צו זיין קול, אַוועקצולאָזן ישראל? ניט איך קען יהוה, און ניט איך וועל אויך אַוועקלאָזן ישראל. [3] האָבן זיי געזאָגט: דער גאָט פון די עבֿרים האָט זיך געטראָפן פאַר אונדז. לאָמיר, איך בעט דיך, גיין דריי טעג וועגס אין דער מדבר, און מיר וועלן שלאַכטן צו יהוה אונדזער גאָט, כדי ער זאָל אונדז ניט פּלאָגן מיט אַ מגפה אָדער מיט שווערד. [4] האָט דער מלך פון מצרַים צו זיי געזאָגט: נאָך וואָס, משה און אַהרן, רייסט איר אָפּ דאָס פאָלק פון זיין אַרבעט? גייט צו אַייערע לאַסטאַרבעט. [5] און פּרעה האָט געזאָגט: דאָס פאָלק פון לאַנד איז שוין אַצונד אויך צו פיל, און איר ווילט זיי נאָך שטערן פון זייערע לאַסטאַרבעט.

[6] און פּרעה האָט באַפוילן אין יענעם טאָג די צווינגערס אין דעם פאָלק, און זיינע אויפזעערס, אַזוי צו זאָגן: [7] איר זאָלט מער ניט געבן דעם פאָלק שטרוי אויף צו מאַכן די ציגל, אַזוי ווי נעכטן־אייערנעכטן. זיי אַליין זאָלן גיין, און זיך אָנקלייבן שטרוי. [8] און די צאָל ציגל, וואָס זיי האָבן געמאַכט נעכטן־אייערנעכטן, זאָלט איר אַרויפלייגן אויף זיי; איר זאָלט דערפון ניט מינערן; וואָרום פויל זיינען זיי, דרום שרייען זיי, אַזוי צו זאָגן: מיר ווילן גיין שלאַכטן צו אונדזער גאָט. [9] זאָל די אַרבעט שווערער זיין אויף די לייט, אַז זיי זאָלן זיין פאַרטאָן מיט איר, און זיך ניט פאַרנעמען מיט פאַלשע גערייד.

נֹגְשֵׂי הָעָם וְשֹׁטְרָיו וַיֹּאמְרוּ אֶל־הָעָם לֵאמֹר כֹּה אָמַר
יא פַּרְעֹה אֵינֶנִּי נֹתֵן לָכֶם תֶּבֶן׃ אַתֶּם לְכוּ קְחוּ לָכֶם תֶּבֶן
יב מֵאֲשֶׁר תִּמְצָאוּ כִּי אֵין נִגְרָע מֵעֲבֹדַתְכֶם דָּבָר׃ וַיָּפֶץ הָעָם
יג בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם לְקֹשֵׁשׁ קַשׁ לַתֶּבֶן׃ וְהַנֹּגְשִׂים אָצִים
לֵאמֹר כַּלּוּ מַעֲשֵׂיכֶם דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ כַּאֲשֶׁר בִּהְיוֹת
יד הַתֶּבֶן׃ וַיֻּכּוּ שֹׁטְרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־שָׂמוּ עֲלֵהֶם נֹגְשֵׂי
פַרְעֹה לֵאמֹר מַדּוּעַ לֹא כִלִּיתֶם חָקְכֶם לִלְבֹּן כִּתְמוֹל
טו שִׁלְשֹׁם גַּם־תְּמוֹל גַּם־הַיּוֹם׃ וַיָּבֹאוּ שֹׁטְרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
טז וַיִּצְעֲקוּ אֶל־פַּרְעֹה לֵאמֹר לָמָּה תַעֲשֶׂה כֹה לַעֲבָדֶיךָ׃ תֶּבֶן
אֵין נִתָּן לַעֲבָדֶיךָ וּלְבֵנִים אֹמְרִים לָנוּ עֲשׂוּ וְהִנֵּה עֲבָדֶיךָ
יז מֻכִּים וְחָטָאת עַמֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר נִרְפִּים אַתֶּם נִרְפִּים עַל־כֵּן
יח אַתֶּם אֹמְרִים נֵלְכָה נִזְבְּחָה לַיהוָה׃ וְעַתָּה לְכוּ עִבְדוּ
יט וְתֶבֶן לֹא־יִנָּתֵן לָכֶם וְתֹכֶן לְבֵנִים תִּתֵּנוּ׃ וַיִּרְאוּ שֹׁטְרֵי בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל אֹתָם בְּרָע לֵאמֹר לֹא־תִגְרְעוּ מִלִּבְנֵיכֶם דְּבַר־יוֹם
כ בְּיוֹמוֹ׃ וַיִּפְגְּעוּ אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן נִצָּבִים לִקְרָאתָם
כא בְּצֵאתָם מֵאֵת פַּרְעֹה׃ וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם יֵרֶא יְהוָה עֲלֵיכֶם
וְיִשְׁפֹּט אֲשֶׁר הִבְאַשְׁתֶּם אֶת־רֵיחֵנוּ בְּעֵינֵי פַרְעֹה וּבְעֵינֵי
מפ׳ עֲבָדָיו לָתֶת־חֶרֶב בְּיָדָם לְהָרְגֵנוּ׃ וַיָּשָׁב מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה
וַיֹּאמַר אֲדֹנָי לָמָה הֲרֵעֹתָה לָעָם הַזֶּה לָמָּה זֶּה שְׁלַחְתָּנִי׃
כג וּמֵאָז בָּאתִי אֶל־פַּרְעֹה לְדַבֵּר בִּשְׁמֶךָ הֵרַע לָעָם הַזֶּה וְהַצֵּל
לֹא־הִצַּלְתָּ אֶת־עַמֶּךָ׃

ו

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה עַתָּה תִרְאֶה אֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה לְפַרְעֹה
כִּי בְיָד חֲזָקָה יְשַׁלְּחֵם וּבְיָד חֲזָקָה יְגָרְשֵׁם מֵאַרְצוֹ׃ ס

10 זיינען אַרויסגעגאַנגען די צווינגערס פון דעם פאָלק, און זיינע אויפזעערס, און האָבן געזאָגט צום פאָלק, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט פּרעה: איך גיב אַייך ניט קיין שטרוי. 11 גייט איר, קריגט אַייך שטרוי פון וווּ איר קענט געפינען; וואָרום פון אַייער אַרבעט ווערט גאָרנישט געמינערט.

12 האָט זיך דאָס פאָלק צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, צו קלייבן זאַנגוואָרצל פאַר שטרוי. 13 און די צווינגערס האָבן געטריבן, אַזוי צו זאָגן: ענדיקט אַייערע טאָגטעגלעכע אַרבעט, אַזוי ווי בעת עס איז געווען שטרוי. 14 און די אויפזעערס פון די קינדער פון ישׂראל, וואָס די צווינגערס פון פּרעהן האָבן אויפגעזעצט איבער זיי, האָבן געקריגן געשלאָגן, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס האָט איר ניט געענדיקט אַייער סכום ציגל אַזוי ווי פריער, אי נעכטן אי היינט?

15 זיינען געקומען די אויפזעערס פון די קינדער פון ישׂראל, און האָבן געשריִען צו פּרעהן, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס טוסטו אַזוי צו דיינע קנעכט? 16 קיין שטרוי ווערט ניט געגעבן דיינע קנעכט, און מע הייסט אונדז: מאַכט ציגל; און זע, דיינע קנעכט קריגן געשלאָגן, און די שולד איז אין דיין פאָלק. 17 האָט ער געזאָגט: פויל זייט איר, פויל; דרום זאָגט איר: מיר ווילן גיין שלאַכטן צו יהוה. 18 און אַצונד, גייט אַרבעט, וואָרום קיין שטרוי וועט אַייך ניט געגעבן ווערן, און די צאָל ציגל מוזט איר צושטעלן.

19 האָבן די אויפזעערס פון די קינדער פון ישׂראל זיך געזען אין אַן אומגליק, צו מוזן זאָגן: איר טאָרט ניט מינערן פון אַייערע טאָגטעגלעכע ציגל. 20 און זיי האָבן געטראָפן משהן און אַהרנען, שטייענדיק אַקעגן זיי, בײַ זייער אַרויסגיין פון פּרעהן; 21 און זיי האָבן צו זיי געזאָגט: זאָל גאָט אַראָפּקוקן אויף אַייך, און משפּטן, וואָס איר האָט פאַרמיאוסט אונדזער ריח אין די אויגן פון פּרעהן, און אין די אויגן פון זיינע קנעכט, צו געבן אַ שווערד אין זייער האַנט אונדז צו הרגען.

22 האָט משה זיך צוריקגעקערט צו גאָט, און האָט געזאָגט: גאָט, פאַרוואָס טוסטו שלעכטס דעמדאָזיקן פאָלק? צוואָס גאָר האָסטו מיך געשיקט? 23 אַז זינט איך בין געקומען צו פּרעהן, צו רעדן אין דיין נאָמען, באַגייט ער זיך נאָך ערגער מיט דעמדאָזיקן פאָלק, און מציל זיין האָסטו ניט מציל געווען דיין פאָלק.

ו 1 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: אַצונד וועסטו זען וואָס איך וועל טאָן צו פּרעהן; וואָרום דורך אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַוועקלאָזן, און דורך אַ שטאַרקער האַנט וועט ער זיי אַרויסטרייבן פון זיין לאַנד.

# וָאֵרָא

ב וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים אֶל־מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי יְהוָה׃ וָאֵרָא
ג אֶל־אַבְרָהָם אֶל־יִצְחָק וְאֶל־יַעֲקֹב בְּאֵל שַׁדָּי וּשְׁמִי יְהוָה
ד לֹא נוֹדַעְתִּי לָהֶם׃ וְגַם הֲקִמֹתִי אֶת־בְּרִיתִי אִתָּם לָתֵת

2 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, און האָט צו אים געזאָגט: איך בין יהוה; 3 און איך האָב זיך באַוויזן צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן, ווי גאָט שַׁדַי, אָבער מיט מיין נאָמען יהוה האָב איך זיך ניט געלאָזט דערקענען צו זיי. 4 און איך האָב אויך אויפגעשטעלט מיין בונד מיט זיי,

לָהֶם אֶת־אֶרֶץ כְּנָעַן אֵת אֶרֶץ מְגֻרֵיהֶם אֲשֶׁר־גָּרוּ בָהּ׃
וְגַם ׀ אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת־נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם ה
מַעֲבִדִים אֹתָם וָאֶזְכֹּר אֶת־בְּרִיתִי׃ לָכֵן אֱמֹר לִבְנֵי־יִשְׂרָאֵל ו
אֲנִי יְהוָה וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם וְהִצַּלְתִּי
אֶתְכֶם מֵעֲבֹדָתָם וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם בִּזְרוֹעַ נְטוּיָה וּבִשְׁפָטִים
גְּדֹלִים׃ וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹהִים ז
וִידַעְתֶּם כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם הַמּוֹצִיא אֶתְכֶם מִתַּחַת
סִבְלוֹת מִצְרָיִם׃ וְהֵבֵאתִי אֶתְכֶם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָשָׂאתִי ח
אֶת־יָדִי לָתֵת אֹתָהּ לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב וְנָתַתִּי אֹתָהּ
לָכֶם מוֹרָשָׁה אֲנִי יְהוָה׃ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה כֵּן אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל ט
וְלֹא שָׁמְעוּ אֶל־מֹשֶׁה מִקֹּצֶר רוּחַ וּמֵעֲבֹדָה קָשָׁה׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ בֹּא דַבֵּר אֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ י יא
מִצְרָיִם וִישַׁלַּח אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאַרְצוֹ׃ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה יב
לִפְנֵי יְהוָה לֵאמֹר הֵן בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לֹא־שָׁמְעוּ אֵלַי וְאֵיךְ
יִשְׁמָעֵנִי פַרְעֹה וַאֲנִי עֲרַל שְׂפָתָיִם׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן וַיְצַוֵּם אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יג
וְאֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרָיִם לְהוֹצִיא אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ
מִצְרָיִם׃ ס אֵלֶּה רָאשֵׁי בֵית־אֲבֹתָם בְּנֵי רְאוּבֵן שני
בְּכֹר יִשְׂרָאֵל חֲנוֹךְ וּפַלּוּא חֶצְרֹן וְכַרְמִי אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת
רְאוּבֵן׃ וּבְנֵי שִׁמְעוֹן יְמוּאֵל וְיָמִין וְאֹהַד וְיָכִין וְצֹחַר טו
וְשָׁאוּל בֶּן־הַכְּנַעֲנִית אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת שִׁמְעוֹן׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת טז
בְּנֵי־לֵוִי לְתֹלְדֹתָם גֵּרְשׁוֹן וּקְהָת וּמְרָרִי וּשְׁנֵי חַיֵּי לֵוִי שֶׁבַע
וּשְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה׃ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן לִבְנִי וְשִׁמְעִי לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ יז
וּבְנֵי קְהָת עַמְרָם וְיִצְהָר וְחֶבְרוֹן וְעֻזִּיאֵל וּשְׁנֵי חַיֵּי קְהָת יח
שְׁלֹשׁ וּשְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה׃ וּבְנֵי מְרָרִי מַחְלִי וּמוּשִׁי אֵלֶּה יט
מִשְׁפְּחֹת הַלֵּוִי לְתֹלְדֹתָם׃ וַיִּקַּח עַמְרָם אֶת־יוֹכֶבֶד דֹּדָתוֹ כ
לוֹ לְאִשָּׁה וַתֵּלֶד לוֹ אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־מֹשֶׁה וּשְׁנֵי חַיֵּי עַמְרָם
שֶׁבַע וּשְׁלֹשִׁים וּמְאַת שָׁנָה׃ וּבְנֵי יִצְהָר קֹרַח וָנֶפֶג וְזִכְרִי׃ כא

זיי צו געבן דאָס לאַנד כנַעַן, דאָס לאַנד פון זייער וווינשאַפט, וואָס זיי האָבן דערין געווינט. 5 און איך האָב אויך געהערט דאָס קרעכצן פון די קינדער פון ישראל, וואָס די מִצרים פאַרקנעכטן זיי, און איך האָב געדאַכט אָן מיין בונד. 6 דרום זאָג צו די קינדער פון ישראל: איך בין יהוה, און איך וועל אייך אַרויסציען פון אונטער די לאַסטן פון מִצרַיִם, און וועל אייך מציל זיין פון זייער קנעכטשאַפט, און איך וועל אייך אויסלייזן מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, און מיט גרויסע משפטים. 7 און איך וועל אייך נעמען צו מיר פאַר אַ פאָלק, און איך וועל אייך זיין צום גאָט; און איר וועט וויסן, אַז איך בין יהוה אייער גאָט, וואָס האָט אייך אַרויסגעצויגן פון אונטער די לאַסטן פון מִצרַיִם. 8 און איך וועל אייך ברענגען אין דעם לאַנד, וואָס איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט[א], עס צו געבן צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן, און איך וועל עס געבן צו אייך פאַר אַן אַרב; איך בין יהוה.

9 האָט משה אַזוי גערעדט צו די קינדער פון ישראל, אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו משהן פון קורץ געמיט און פון שווערער אַרבעט.

10 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 11 גיי רעד צו פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם, ער זאָל אַוועקלאָזן די קינדער פון ישראל פון זיין לאַנד. 12 האָט משה גערעדט פאַר גאָט, אַזוי צו זאָגן: זע, די קינדער פון ישראל האָבן ניט צוגעהערט צו מיר, היינט ווי וועט פַּרעה מיך צוהערן, אַז איך האָב פאַרשטאָפּטע ליפּן?

13 און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, און זיי באַפוילן צו די קינדער פון ישראל, און צו פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם, כדי אַרויסצוציען די קינדער פון ישראל, פון לאַנד מִצרַיִם.

14 דאָס זיינען [די הויפּטן פון זייערע פאָטערהייזער: די זין פון ראובן, ישראלס בכור: חֲנוֹך, און פַּלוּא, חֶצרוֹן, און כַּרמי. דאָס זיינען די משפחות פון ראובן. 15 און די זין פון שמעונען: ימוּאֵל, און יָמין, און אוהַד, און יָכין, און צוחַר, און שָאוּל דער זון פון אַ כנַעֲנית. דאָס זיינען די משפחות פון שמעון. 16 און דאָס זיינען די נעמען פון לֵוִיס זין, לויט זייערע געבורטן: גֵרשון, און קהָת, און מְרָרי. און די יאָרן פון לֵוִיס לעבן זיינען געווען הונדערט און זיבן און דרייסיק יאָר. 17 די זין פון גֵרשונען: לִבני, און שִמעי, לויט זייערע משפחות. 18 און די זין פון קהָתן: עַמרָם, און יִצהָר, און חֶברון, און עוזיאֵל. און די יאָרן פון קהָתעס לעבן זיינען געווען הונדערט און דריי און דרייסיק יאָר. 19 און די זין פון מְרָרין: מַחלי, און מושי. דאָס זיינען די משפחות פון לֵוִי לויט זייערע געבורטן. 20 און עַמרָם האָט זיך גענומען זיין מומע יוכֶבֶדן פאַר אַ ווייב, און זי האָט אים געבאָרן אַהרנען און משהן. און די יאָרן פון עַמרָמס לעבן זיינען געווען הונדערט און זיבן און דרייסיק יאָר. 21 און די זין פון יִצהָרן: קֹרח, און נֶפֶג, און זִכרי.

[א] ד. ה. געשוואָרן.

22 און די זין פון עוזיאלן: מישאל, און אֶלצָפָן, און סִתרי. 23 און אַהרן האָט זיך גענומען אֱלישֶׁבַע די טאָכטער פון עַמינָדָבן, די שוועסטער פון נַחשונען, פאַר אַ ווייב, און זי האָט אים געבאָרן נָדָבן, און אַביהואן, אֶלעָזָרן, און איתָמָרן. 24 און די זין פון קֹרחן: אַסיר, און אֶלקָנָה, און אַביאָסָף. דאָס זיינען די משפחות פון די קָרחים. 25 און אֶלעָזָר דער זון פון אַהרנען האָט זיך גענומען איינע פון די טעכטער פון פוטיאֵלן זיך פאַר אַ ווייב; און זי האָט אים געבאָרן פּינחסן. דאָס זיינען די הויפּטן פון די פאָטערהייזער פון די לוִיִם לויט זייערע משפחות. 26 דאָס זיינען אַהרן און משה, וואָס גאָט האָט צו זיי געזאָגט: ציט אַרויס די קינדער פון ישׂראל פון לאַנד מִצרַיִם לויט זייערע מחנות. 27 זיי זיינען דאָס די וואָס האָבן גערעדט צו פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם, כּדי אַרויסצוציען די קינדער פון ישׂראל פון מִצרַיִם. דאָס זיינען משה און אַהרן.

28 און עס איז געווען אין דעם טאָג וואָס גאָט האָט גערעדט צו משהן אין לאַנד מִצרַיִם. 29 האָט גאָט געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: איך בין יהוה; רעד צו פַּרעה דעם מלך פון מִצרַיִם אַלץ וואָס איך רעד צו דיר. 30 האָט משה געזאָגט פאַר גאָט: איך האָב דאָך פאַרשטאָפּטע ליפּן, און ווי וועט פַּרעה צוהערן צו מיר?

כב וּבְנֵי עֻזִּיאֵל מִישָׁאֵל וְאֶלְצָפָן וְסִתְרִי׃ וַיִּקַּח אַהֲרֹן אֶת־
כג אֱלִישֶׁבַע בַּת־עַמִּינָדָב אֲחוֹת נַחְשׁוֹן לוֹ לְאִשָּׁה וַתֵּלֶד לוֹ
כד אֶת־נָדָב וְאֶת־אֲבִיהוּא אֶת־אֶלְעָזָר וְאֶת־אִיתָמָר׃ וּבְנֵי קֹרַח
כה אַסִּיר וְאֶלְקָנָה וַאֲבִיאָסָף אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת הַקָּרְחִי׃ וְאֶלְעָזָר
בֶּן־אַהֲרֹן לָקַח־לוֹ מִבְּנוֹת פּוּטִיאֵל לוֹ לְאִשָּׁה וַתֵּלֶד לוֹ
כו אֶת־פִּינְחָס אֵלֶּה רָאשֵׁי אֲבוֹת הַלְוִיִּם לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ הוּא
אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה לָהֶם הוֹצִיאוּ אֶת־בְּנֵי
כז יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם עַל־צִבְאֹתָם׃ הֵם הַמְדַבְּרִים אֶל־
פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם לְהוֹצִיא אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם
כח הוּא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן׃ וַיְהִי בְּיוֹם דִּבֶּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בְּאֶרֶץ
שלי׳ מִצְרָיִם׃ ס וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר אֲנִי יְהוָה
דַּבֵּר אֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם אֵת כָּל־אֲשֶׁר אֲנִי דֹּבֵר אֵלֶיךָ׃
ל וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה לִפְנֵי יְהוָה הֵן אֲנִי עֲרַל שְׂפָתַיִם וְאֵיךְ יִשְׁמַע
אֵלַי פַּרְעֹה׃ פ

ז

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה רְאֵה נְתַתִּיךָ אֱלֹהִים לְפַרְעֹה וְאַהֲרֹן
ב אָחִיךָ יִהְיֶה נְבִיאֶךָ׃ אַתָּה תְדַבֵּר אֵת כָּל־אֲשֶׁר אֲצַוֶּךָּ
וְאַהֲרֹן אָחִיךָ יְדַבֵּר אֶל־פַּרְעֹה וְשִׁלַּח אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
ג מֵאַרְצוֹ׃ וַאֲנִי אַקְשֶׁה אֶת־לֵב פַּרְעֹה וְהִרְבֵּיתִי אֶת־אֹתֹתַי
ד וְאֶת־מוֹפְתַי בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְלֹא־יִשְׁמַע אֲלֵכֶם פַּרְעֹה
וְנָתַתִּי אֶת־יָדִי בְּמִצְרָיִם וְהוֹצֵאתִי אֶת־צִבְאֹתַי אֶת־עַמִּי
ה בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם בִּשְׁפָטִים גְּדֹלִים׃ וְיָדְעוּ מִצְרַיִם
כִּי־אֲנִי יְהוָה בִּנְטֹתִי אֶת־יָדִי עַל־מִצְרָיִם וְהוֹצֵאתִי אֶת־
ו בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מִתּוֹכָם׃ וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה
ז אֹתָם כֵּן עָשׂוּ׃ וּמֹשֶׁה בֶּן־שְׁמֹנִים שָׁנָה וְאַהֲרֹן בֶּן־שָׁלֹשׁ
וּשְׁמֹנִים שָׁנָה בְּדַבְּרָם אֶל־פַּרְעֹה׃ פ
רב׳ ט וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר׃ כִּי יְדַבֵּר
אֲלֵכֶם פַּרְעֹה לֵאמֹר תְּנוּ לָכֶם מוֹפֵת וְאָמַרְתָּ אֶל־אַהֲרֹן

ז

1 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: זע, איך האָב דיך געמאַכט ווי אַ גאָט צו פַּרעהן, און אַהרן דיין ברודער וועט זיין דיין נביא. 2 דו וועסט רעדן אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפעלן, און אַהרן דיין ברודער וועט רעדן צו פַּרעהן, ער זאָל אַוועקלאָזן די קינדער פון ישׂראל פון זיין לאַנד. 3 און איך וועל האַרט מאַכן פַּרעהס האַרץ, און וועל מערן מיינע צייכנס און מיינע וווּנדער אין לאַנד מִצרַיִם. 4 אָבער פַּרעה וועט ניט צוהערן צו אייך, און איך וועל אַרויפלייגן מיין האַנט אויף מִצרַיִם, און וועל אַרויסציען מיינע מחנות, מיין פאָלק, די קינדער פון ישׂראל, פון לאַנד מִצרַיִם, מיט גרויסע משפּטים. 5 און די מִצרים וועלן וויסן, אַז איך בין יהוה, ווען איך וועל אויסשטרעקן מיין האַנט אויף מִצרַיִם, און וועל אַרויסציען די קינדער פון ישׂראל פון צווישן זיי.

6 האָבן משה און אַהרן אַזוי געטאָן; אַזוי ווי גאָט האָט זיי באַפוילן, אַזוי האָבן זיי געטאָן. 7 און משה איז געווען אַ מאַן פון אַכציק יאָר, און אַהרן אַ מאַן פון דריי און אַכציק יאָר, ווען זיי האָבן גערעדט צו פַּרעהן.

8 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן: 9 אַז פַּרעה וועט רעדן צו אייך, אַזוי צו זאָגן: גיט פון

י קַח אֶת־מַטְּךָ וְהַשְׁלֵךְ לִפְנֵי־פַרְעֹה יְהִי לְתַנִּין׃ וַיָּבֹא מֹשֶׁה
וְאַהֲרֹן אֶל־פַּרְעֹה וַיַּעֲשׂוּ כֵן כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה וַיַּשְׁלֵךְ
אַהֲרֹן אֶת־מַטֵּהוּ לִפְנֵי פַרְעֹה וְלִפְנֵי עֲבָדָיו וַיְהִי לְתַנִּין׃
יא וַיִּקְרָא גַּם־פַּרְעֹה לַחֲכָמִים וְלַמְכַשְּׁפִים וַיַּעֲשׂוּ גַם־הֵם
יב חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם בְּלַהֲטֵיהֶם כֵּן׃ וַיַּשְׁלִיכוּ אִישׁ מַטֵּהוּ
יג וַיִּהְיוּ לְתַנִּינִם וַיִּבְלַע מַטֵּה־אַהֲרֹן אֶת־מַטֹּתָם׃ וַיֶּחֱזַק לֵב
יד פַּרְעֹה וְלֹא שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה׃ ס וַיֹּאמֶר
טו יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה כָּבֵד לֵב פַּרְעֹה מֵאֵן לְשַׁלַּח הָעָם׃ לֵךְ
אֶל־פַּרְעֹה בַּבֹּקֶר הִנֵּה יֹצֵא הַמַּיְמָה וְנִצַּבְתָּ לִקְרָאתוֹ עַל־
שְׂפַת הַיְאֹר וְהַמַּטֶּה אֲשֶׁר־נֶהְפַּךְ לְנָחָשׁ תִּקַּח בְּיָדֶךָ׃
טז וְאָמַרְתָּ אֵלָיו יְהוָה אֱלֹהֵי הָעִבְרִים שְׁלָחַנִי אֵלֶיךָ לֵאמֹר
שַׁלַּח אֶת־עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי בַּמִּדְבָּר וְהִנֵּה לֹא־שָׁמַעְתָּ עַד־כֹּה׃
יז כֹּה אָמַר יְהוָה בְּזֹאת תֵּדַע כִּי אֲנִי יְהוָה הִנֵּה אָנֹכִי מַכֶּה ׀
בַּמַּטֶּה אֲשֶׁר־בְּיָדִי עַל־הַמַּיִם אֲשֶׁר בַּיְאֹר וְנֶהֶפְכוּ לְדָם׃
יח וְהַדָּגָה אֲשֶׁר־בַּיְאֹר תָּמוּת וּבָאַשׁ הַיְאֹר וְנִלְאוּ מִצְרַיִם
יט לִשְׁתּוֹת מַיִם מִן־הַיְאֹר׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
אֱמֹר אֶל־אַהֲרֹן קַח מַטְּךָ וּנְטֵה־יָדְךָ עַל־מֵימֵי מִצְרַיִם
עַל־נַהֲרֹתָם ׀ עַל־יְאֹרֵיהֶם וְעַל־אַגְמֵיהֶם וְעַל כָּל־מִקְוֵה
מֵימֵיהֶם וְיִהְיוּ־דָם וְהָיָה דָם בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרַיִם וּבָעֵצִים
כ וּבָאֲבָנִים׃ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן כַּאֲשֶׁר ׀ צִוָּה יְהוָה
וַיָּרֶם בַּמַּטֶּה וַיַּךְ אֶת־הַמַּיִם אֲשֶׁר בַּיְאֹר לְעֵינֵי פַרְעֹה וּלְעֵינֵי
כא עֲבָדָיו וַיֵּהָפְכוּ כָּל־הַמַּיִם אֲשֶׁר־בַּיְאֹר לְדָם׃ וְהַדָּגָה אֲשֶׁר־
בַּיְאֹר מֵתָה וַיִּבְאַשׁ הַיְאֹר וְלֹא־יָכְלוּ מִצְרַיִם לִשְׁתּוֹת מַיִם
כב מִן־הַיְאֹר וַיְהִי הַדָּם בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן חַרְטֻמֵּי
מִצְרַיִם בְּלָטֵיהֶם וַיֶּחֱזַק לֵב־פַּרְעֹה וְלֹא־שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר
כג דִּבֶּר יְהוָה׃ וַיִּפֶן פַּרְעֹה וַיָּבֹא אֶל־בֵּיתוֹ וְלֹא־שָׁת לִבּוֹ
כד גַּם־לָזֹאת׃ וַיַּחְפְּרוּ כָל־מִצְרַיִם סְבִיבֹת הַיְאֹר מַיִם לִשְׁתּוֹת

אייך אַ וואונדער; זאָלסטו זאָגן צו אַהרנען: נעם דיין שטעקן, און טו אַ וואַרף פאַר פּרעהן, וועט ער ווערן אַ שלאַנג.

[10] זיינען משה און אַהרן געקומען צו פּרעהן, און זיי האָבן אַזוי געטאָן, ווי גאָט האָט באַפוילן; און אַהרן האָט אַ וואַרף געטאָן זיין שטעקן פאַר פּרעהן, און פאַר זיינע קנעכט, און ער איז געוואָרן אַ שלאַנג.

[11] האָט אויך פּרעה גערופן די חכמים און די מכשפים, און אויך זיי, די חרטומים פון מצרים, האָבן געטאָן דעסגלייכן מיט זייערע פאַרבאַרגענע קונצן. [12] און זיי האָבן אַ וואַרף געטאָן איטלעכער זיין שטעקן, און זיי זיינען געוואָרן שלאַנגען; אָבער אַהרנס שטעקן האָט איינגעשלונגען זייערע שטעקנס.

[13] און פּרעהס האַרץ איז געבליבן פעסט, און ער האָט ניט צוגעהערט צו זיי, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.

[14] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: פּרעהס האַרץ איז האַרט, ער וויל ניט אָוועקלאָזן דאָס פאָלק. [15] גיי צו פּרעהן אין דער פרי; זע, ער גייט אַרויס צום וואַסער, וועסטו זיך שטעלן אים אַנטקעגן, ביים ברעג טייך, און דעם שטעקן וואָס איז פאַרקערט געוואָרן אין אַ שלאַנג, זאָלסטו נעמען אין דיין האַנט. [16] און זאָלסט זאָגן צו אים: יהוה, דער גאָט פון די עבֿרים, האָט מיך געשיקט צו דיר, אַזוי צו זאָגן: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען אין דער מדבר; און זע, האָסט ניט צוגעהערט ביז אַהער.

[17] האָט גאָט אַזוי געזאָגט: דערמיט וועסטו וויסן, אַז איך בין יהוה: זע, איך שלאָג מיט דעם שטעקן וואָס אין מיין האַנט, אויפן וואַסער וואָס אין טייך, און עס וועט פאַרקערט ווערן אין בלוט. [18] און די פיש וואָס אין טייך וועלן אויסשטאַרבן, און דער טייך וועט פאַרשטונקען ווערן, און די מצרים וועלן זיך עקלען צו טרינקען וואַסער אויסן טייך.

[19] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זאָג צו אַהרנען: נעם דיין שטעקן, און שטרעק אויס דיין האַנט אויף די וואַסערן פון מצרים, אויף זייערע טייכן, אויף זייערע שטראָמען, אויף זייערע געמויזעכצן, און אויף אַלע זייערע אָנזאַמלונגען פון וואַסער, און זיי זאָלן ווערן בלוט; און עס זאָל זיין בלוט אין גאַנצן לאַנד מצרים, סיי אין הילצערנע כלים, סיי אין שטיינערנע.

[20] האָבן משה און אַהרן אַזוי געטאָן, ווי גאָט האָט באַפוילן. און ער האָט אויפגעהויבן דעם שטעקן, און האָט געשלאָגן דאָס וואַסער וואָס אין טייך, פאַר די אויגן פון פּרעהן, און פאַר די אויגן פון זיינע קנעכט; און דאָס גאַנצע וואַסער וואָס אין טייך איז פאַרקערט געוואָרן אין בלוט. [21] און די פיש וואָס אין טייך זיינען אויסגעשטאָרבן, און דער טייך איז פאַרשטונקען געוואָרן, און די מצרים האָבן ניט געקענט טרינקען וואַסער אויסן טייך; און דאָס בלוט איז געווען אין גאַנצן לאַנד מצרים.

[22] האָבן די חרטומים פון מצרים געטאָן דעסגלייכן מיט זייערע פאַרבאַרגענע קונצן; און פּרעהס האַרץ איז געבליבן פעסט, און ער האָט ניט צוגעהערט צו זיי; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט. [23] און פּרעה האָט זיך אומגעקערט און איז אַריינגעגאַנגען אין זיין הויז, און האָט אויך דאָס ניט גענומען צום האַרצן. [24] און אַלע מצרים האָבן געגראָבן אַרום טייך נאָך

וואַסער צום טרינקען, וואָרום זיי האָבן ניט געקענט טרינקען פון די וואַסערן פון טייך. [25] און עס זיינען דער־פילט געוואָרן זיבן טעג, נאָכדעם ווי גאָט האָט געשלאָגן דעם טייך.

[26] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: קום צו פַּרעהן, און זאָג צו אים: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. [27] און אויב דו ווילסט זיי ניט אַוועקלאָזן, אָט פּלאָג איך דיין גאַנצן גבול מיט פרעש. [28] און דער טייך וועטווידמענען פרעש, און זיי וועלן אַרויפגיין, און וועלן קומען אין דיין הויז, און אין דיין שלאָפקאַמער, און אויף דיין בעט, און אין הויז פון דיינע קנעכט, און אויף דיין פאָלק, און אין דיינע אויוונס, און אין דיינע טייגמולטערס. [29] אי אויף דיר, אי אויף דיין פאָלק, אי אויף אַלע דיינע קנעכט, וועלן אַרויפגיין די פרעש.

כה כִּי לֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מִמֵּימֵי הַיְאֹר׃ וַיִּמָּלֵא שִׁבְעַת יָמִים
אַחֲרֵי הַכּוֹת־יְהוָה אֶת־הַיְאֹר׃ פ
כו וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בֹּא אֶל־פַּרְעֹה וְאָמַרְתָּ אֵלָיו כֹּה
כז אָמַר יְהוָה שַׁלַּח אֶת־עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי׃ וְאִם־מָאֵן אַתָּה לְשַׁלֵּחַ
כח הִנֵּה אָנֹכִי נֹגֵף אֶת־כָּל־גְּבוּלְךָ בַּצְפַרְדְּעִים׃ וְשָׁרַץ הַיְאֹר
צְפַרְדְּעִים וְעָלוּ וּבָאוּ בְּבֵיתֶךָ וּבַחֲדַר מִשְׁכָּבְךָ וְעַל־מִטָּתֶךָ
כט וּבְבֵית עֲבָדֶיךָ וּבְעַמֶּךָ וּבְתַנּוּרֶיךָ וּבְמִשְׁאֲרוֹתֶיךָ׃ וּבְכָה
וּבְעַמְּךָ וּבְכָל־עֲבָדֶיךָ יַעֲלוּ הַצְפַרְדְּעִים׃

ח

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל־אַהֲרֹן נְטֵה אֶת־יָדְךָ
בְּמַטֶּךָ עַל־הַנְּהָרֹת עַל־הַיְאֹרִים וְעַל־הָאֲגַמִּים וְהַעַל אֶת־
ב הַצְפַרְדְּעִים עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיֵּט אַהֲרֹן אֶת־יָדוֹ עַל
מֵימֵי מִצְרָיִם וַתַּעַל הַצְּפַרְדֵּעַ וַתְּכַס אֶת־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃
ג וַיַּעֲשׂוּ־כֵן הַחַרְטֻמִּים בְּלָטֵיהֶם וַיַּעֲלוּ אֶת־הַצְפַרְדְּעִים
ד עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיִּקְרָא פַרְעֹה לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן וַיֹּאמֶר
הַעְתִּירוּ אֶל־יְהוָה וְיָסֵר הַצְפַרְדְּעִים מִמֶּנִּי וּמֵעַמִּי וַאֲשַׁלְּחָה
ה אֶת־הָעָם וְיִזְבְּחוּ לַיהוָה׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה לְפַרְעֹה הִתְפָּאֵר
עָלַי לְמָתַי ׀ אַעְתִּיר לְךָ וְלַעֲבָדֶיךָ וּלְעַמְּךָ לְהַכְרִית
ו הַצְפַרְדְּעִים מִמְּךָ וּמִבָּתֶּיךָ רַק בַּיְאֹר תִּשָּׁאַרְנָה׃ וַיֹּאמֶר
לְמָחָר וַיֹּאמֶר כִּדְבָרְךָ לְמַעַן תֵּדַע כִּי־אֵין כַּיהוָה אֱלֹהֵינוּ׃
חמ' וְסָרוּ הַצְפַרְדְּעִים מִמְּךָ וּמִבָּתֶּיךָ וּמֵעֲבָדֶיךָ וּמֵעַמֶּךָ רַק
ח בַּיְאֹר תִּשָּׁאַרְנָה׃ וַיֵּצֵא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן מֵעִם פַּרְעֹה וַיִּצְעַק
מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה עַל־דְּבַר הַצְפַרְדְּעִים אֲשֶׁר־שָׂם לְפַרְעֹה׃
ט וַיַּעַשׂ יְהוָה כִּדְבַר מֹשֶׁה וַיָּמֻתוּ הַצְפַרְדְּעִים מִן־הַבָּתִּים
י מִן־הַחֲצֵרֹת וּמִן־הַשָּׂדֹת׃ וַיִּצְבְּרוּ אֹתָם חֳמָרִם חֳמָרִם
יא וַתִּבְאַשׁ הָאָרֶץ׃ וַיַּרְא פַּרְעֹה כִּי הָיְתָה הָרְוָחָה וְהַכְבֵּד
יב אֶת־לִבּוֹ וְלֹא שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה׃ ס וַיֹּאמֶר

ז, כט' יתיר ו' ח, י' מלרע

ח [1] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זאָג צו אַהרנען: שטרעק אויס דיין האַנט מיט דיין שטעקן אויף די שטראָמען, אויף די טייכן, און אויף די געמויזעכצן, און ברענג אַרויף פרעש אויפן לאַנד מִצרַיִם. [2] און אַהרן האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף די וואַסערן פון מִצרַיִם, און די פרעש זיינען אַרויפגעגאַנגען, און האָבן באַדעקט דאָס לאַנד מִצרַיִם. [3] האָבן די חַרטומים געטאָן דעסגלייכן מיט זייערע פאַרבאָרגענע קונצן, און זיי האָבן אַרויפגעבראַכט פרעש אויפן לאַנד מִצרַיִם.

[4] און פַּרעה האָט גערופן משהן און אַהרנען, און האָט געזאָגט: בעט צו יהוה, ער זאָל אָפּטאָן די פרעש פון מיר און פון מיין פאָלק, און איך וועל אַוועקלאָזן דאָס פאָלק, זיי זאָלן שלאַכטן צו יהוה. [5] האָט משה געזאָגט צו פַּרעהן: האָב דעם כבוד איבער מיר; אויף ווען זאָל איך בעטן פאַר דיר, און פאַר דיינע קנעכט, און פאַר דיין פאָלק, צו פאַרשניידן די פרעש פון דיר, און פון דיינע הייזער, אַז נאָר אין טייך זאָלן זיי בלייבן? [6] האָט ער געענטפערט: אויף מאָרגן. האָט ער געזאָגט: אַזוי ווי דיין וואָרט! כדי זאָלסט וויסן, אַז ניטאָ אַזאַ ווי יהוה אונדזער גאָט. [7] און די פרעש וועלן זיך אָפּטאָן פון דיר, און פון דיינע הייזער, און פון דיינע קנעכט, און פון דיין פאָלק; נאָר אין טייך וועלן זיי בלייבן.

[8] זיינען משה און אַהרן אַרויסגעגאַנגען פון פַּרעהן, און משה האָט געשריען צו גאָט פון וועגן די פרעש וואָס ער האָט אַרויפגעטאָן אויף פַּרעהן. [9] און גאָט האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון משהן, און די פרעש זיינען אויסגעשטאָרבן פון די הייזער, פון די הויפן, און פון די פעלדער. [10] און מע האָט זיי צונויפגעשאַרט הויפנס אויף הויפנס, און דאָס לאַנד איז פאַרשטונקען געוואָרן.

[11] און ווי פַּרעה האָט געזען, אַז עס איז געוואָרן אַ דערלייכטערונג, אַזוי האָט ער האַרט געמאַכט זיין האַרץ, און האָט ניט צוגעהערט צו זיי; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.

יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל־אַהֲרֹן נְטֵה אֶת־מַטְּךָ וְהַךְ
אֶת־עֲפַר הָאָרֶץ וְהָיָה לְכִנִּם בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיַּעֲשׂוּ יג
כֵן וַיֵּט אַהֲרֹן אֶת־יָדוֹ בְמַטֵּהוּ וַיַּךְ אֶת־עֲפַר הָאָרֶץ וַתְּהִי
הַכִּנָּם בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה כָּל־עֲפַר הָאָרֶץ הָיָה כִנִּים בְּכָל־
אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן הַחַרְטֻמִּים בְּלָטֵיהֶם לְהוֹצִיא אֶת־ יד
הַכִּנִּים וְלֹא יָכֹלוּ וַתְּהִי הַכִּנָּם בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה׃ וַיֹּאמְרוּ טו
הַחַרְטֻמִּם אֶל־פַּרְעֹה אֶצְבַּע אֱלֹהִים הִוא וַיֶּחֱזַק לֵב־פַּרְעֹה
וְלֹא־שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה טז
אֶל־מֹשֶׁה הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר וְהִתְיַצֵּב לִפְנֵי פַרְעֹה הִנֵּה יוֹצֵא
הַמָּיְמָה וְאָמַרְתָּ אֵלָיו כֹּה אָמַר יְהוָה שַׁלַּח עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי׃
כִּי אִם־אֵינְךָ מְשַׁלֵּחַ אֶת־עַמִּי הִנְנִי מַשְׁלִיחַ בְּךָ וּבַעֲבָדֶיךָ יז
וּבְעַמְּךָ וּבְבָתֶּיךָ אֶת־הֶעָרֹב וּמָלְאוּ בָּתֵּי מִצְרַיִם אֶת־
הֶעָרֹב וְגַם הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־הֵם עָלֶיהָ׃ וְהִפְלֵיתִי בַיּוֹם יח
הַהוּא אֶת־אֶרֶץ גֹּשֶׁן אֲשֶׁר עַמִּי עֹמֵד עָלֶיהָ לְבִלְתִּי הֱיוֹת־
שָׁם עָרֹב לְמַעַן תֵּדַע כִּי אֲנִי יְהוָה בְּקֶרֶב הָאָרֶץ׃ וְשַׂמְתִּי ששי
פְדֻת בֵּין עַמִּי וּבֵין עַמֶּךָ לְמָחָר יִהְיֶה הָאֹת הַזֶּה׃ וַיַּעַשׂ כ
יְהוָה כֵּן וַיָּבֹא עָרֹב כָּבֵד בֵּיתָה פַרְעֹה וּבֵית עֲבָדָיו וּבְכָל־
אֶרֶץ מִצְרַיִם תִּשָּׁחֵת הָאָרֶץ מִפְּנֵי הֶעָרֹב׃ וַיִּקְרָא פַרְעֹה כא
אֶל־מֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן וַיֹּאמֶר לְכוּ זִבְחוּ לֵאלֹהֵיכֶם בָּאָרֶץ׃
וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה לֹא נָכוֹן לַעֲשׂוֹת כֵּן כִּי תּוֹעֲבַת מִצְרַיִם כב
נִזְבַּח לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ הֵן נִזְבַּח אֶת־תּוֹעֲבַת מִצְרַיִם לְעֵינֵיהֶם
וְלֹא יִסְקְלֻנוּ׃ דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים נֵלֵךְ בַּמִּדְבָּר וְזָבַחְנוּ כג
לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ כַּאֲשֶׁר יֹאמַר אֵלֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר פַּרְעֹה אָנֹכִי כד
אֲשַׁלַּח אֶתְכֶם וּזְבַחְתֶּם לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם בַּמִּדְבָּר רַק
הַרְחֵק לֹא־תַרְחִיקוּ לָלֶכֶת הַעְתִּירוּ בַּעֲדִי׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה כה
הִנֵּה אָנֹכִי יוֹצֵא מֵעִמָּךְ וְהַעְתַּרְתִּי אֶל־יְהוָה וְסָר הֶעָרֹב
מִפַּרְעֹה מֵעֲבָדָיו וּמֵעַמּוֹ מָחָר רַק אַל־יֹסֵף פַּרְעֹה הָתֵל

כ׳ סבירין ובבית

12 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זאָג צו אַהרנען: שטרעק אויס דיין שטעקן, און שלאָג דעם שטויב פון דער ערד, און ער זאָל ווערן אומגעציפער אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. 13 האָבן זיי אַזוי געטאָן; און אַהרן האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט מיט זיין שטעקן, און ער האָט געשלאָגן דעם שטויב פון דער ערד, און עס איז געוואָרן אומגעציפער אויף מענטשן און אויף בהמות; דער גאַנצער שטויב פון דער ערד איז געוואָרן אומגעציפער אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. 14 און די חַרטומים האָבן דעסגלייכן געאַרבעט מיט זייערע פאַרבאָרגענע קונצן אַרויסצוברענגען אומגעציפער, אָבער זיי האָבן ניט געקענט. און דאָס אומגעציפער איז געווען אויף מענטשן און אויף בהמות. 15 און די חַרטומים האָבן געזאָגט צו פַּרעהן: אַ פינגער פון גאָט איז דאָס. אָבער פַּרעהס האַרץ איז געבליבן פעסט, און ער האָט ניט צוגעהערט צו זיי; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.

16 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: פעדער זיך אין דער פרי, און שטעל זיך פאַר פַּרעהן; זע, ער גייט אַרויס צום וואַסער, זאָלסטו זאָגן צו אים: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. 17 וואָרום אויב דו לאָזט ניט אַוועק מיין פאָלק, אָט שיק איך אָן אויף דיר, און אויף דיינע קנעכט, און אויף דיין פאָלק, און אין דיינע הייזער, אַ געמיש פליגן, און די הייזער פון מִצרַיִם וועלן אָנגעפילט ווערן מיט דעם געמיש פליגן, און אויך די ערד וואָס זיי זיינען אויף איר. 18 און איך וועל אָפּזונדערן אין יענעם טאָג דאָס לאַנד גושן, וואָס מיין פאָלק האַלט זיך אויף דערין, אַז דאָס געמיש פליגן זאָל דאָרטן ניט זיין, כּדי זאָלסט וויסן, אַז איך, יהוה, בין אין לאַנד. 19 און איך וועל מאַכן אַן אָפּשיידונג צווישן מיין פאָלק און צווישן דיין פאָלק. אויף מאָרגן וועט געשען דערדאָזיקער צייכן.

20 און גאָט האָט אַזוי געטאָן: און עס איז געקומען אַ געדיכט געמיש פליגן אין הויז פון פַּרעהן, און אין הויז פון זיינע קנעכט, און אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם. דאָס לאַנד איז פאַרוויסט געוואָרן פון וועגן דעם געמיש פליגן.

21 האָט פַּרעה גערופן משהן און אַהרנען, און האָט געזאָגט: גייט שלאַכט צו אייער גאָט אין לאַנד. 22 האָט משה געזאָגט: עס איז ניט רעכט אַזוי צו טאָן, וואָרום די אומווערדיקייט פון די מִצרים וועלן מיר שלאַכטן צו יהוה אונדזער גאָט; זע, אַז מיר וועלן שלאַכטן די אומווערדיקייט פון די מִצרים פאַר זייערע אויגן, צי וועלן זיי אונדז ניט פאַרשטיינען? 23 דריי טעג וועגס וועלן מיר גיין אין דער מדבר, און מיר וועלן שלאַכטן צו יהוה אונדזער גאָט, אַזוי ווי ער וועט אונדז הייסן. 24 האָט פַּרעה געזאָגט: איך וועל אייך אַוועקלאָזן, איר זאָלט שלאַכטן צו יהוה אייער גאָט אין דער מדבר, נאָר זייער ווייט זאָלט איר ניט גיין. בעט פאַר מיר. 25 האָט משה געזאָגט: זע, איך גיי אַרויס פון דיר, און וועל בעטן צו יהוה, אַז דאָס געמיש פליגן זאָל זיך מאָרגן אָפּטאָן פון פַּרעהן, פון זיינע קנעכט, און פון זיין פאָלק; זאָל אָבער פַּרעה ניט ווידער מאַכן

געשפּעט, ניט אַוועקצולאָזן דאָס פאָלק צו שלאַכטן צו יהוה.

26 און משה איז אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן, און האָט געבעטן צו גאָט. 27 און גאָט האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון משהן, און האָט אָפּגעטאָן דאָס געמיש פלינן, פון פּרעהן, פון זיינע קנעכט, און פון זיין פאָלק; ניט אַן איינציקע איז געבליבן.

28 אָבער פּרעה האָט אויך דאָס מאָל האַרט געמאַכט זיין האַרץ, און האָט ניט אַוועקגעלאָזן דאָס פאָלק.

ט 1 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: קום צו פּרעהן, און רעד צו אים: אַזוי האָט געזאָגט יהוה, דער גאָט פון די עִבְרים: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. 2 וואָרום אויב דו ווילסט ניט אַוועקלאָזן, און האַלטסט זיי נאָך ווייטער, 3 זע, וועט די האַנט פון גאָט זיין אויף דיין פי וואָס אין פעלד, אויף די פערד, אויף די אייזלען, אויף די קעמלען, אויף די רינדער, און אויף די שאָף; אַ זייער שווערע מגפה. 4 און גאָט וועט אָפּזונדערן צווישן דעם פי פון ישראל און צווישן דעם פי פון מִצְרַיִם, און פון אַלץ וואָס געהערט צו די קינדער פון ישראל וועט גאָרנישט שטאַרבן. 5 און גאָט האָט געמאַכט אַ צייט, אַזוי צו זאָגן: מאָרגן וועט גאָט טאָן דידאָזיקע זאַך אין לאַנד.

6 און גאָט האָט געטאָן דידאָזיקע זאַך אויף מאָרגן, און דאָס גאַנצע פי פון מִצְרַיִם איז אויסגעשטאָרבן, אָבער פון דעם פי פון די קינדער פון ישראל איז אַן איינציקס ניט געשטאָרבן. 7 און פּרעה האָט געשיקט, ערשט פון דעם פי פון ישראל איז צומאָל אַן איינציקס ניט געשטאָרבן. אָבער פּרעהס האַרץ איז געבליבן האַרט, און ער האָט ניט אַוועקגעלאָזן דאָס פאָלק.

8 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן און צו אַהרנען: נעמט אייך אייערע פולע הויפנס אַש פון אַ קאַלכאויוון, און משה זאָל עס אַ וואַרף טאָן אַקעגן הימל, פאַר די אויגן פון פּרעהן. 9 און עס וועט ווערן צו שטויב איבערן גאַנצן לאַנד מִצְרַיִם, און ווערן אַ גרינד וואָס שלאָגט אויס אין בלאָטערן, אויף מענטשן און אויף בהמות, אין גאַנצן לאַנד מִצְרַיִם.

10 האָבן זיי גענומען אַש פון אַ קאַלכאויוון, און זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר פּרעהן, און משה האָט עס אַ וואַרף געטאָן אַקעגן הימל, און עס איז געוואָרן אַ גרינד וואָס שלאָגט אויס אין בלאָטערן, אויף מענטשן און אויף בהמות. 11 און די חרטומים האָבן ניט געקענט שטיין פאַר משהן פון וועגן דעם גרינד, וואָרום דער גרינד איז געווען אויף די חרטומים אַזוי ווי אויף גאַנץ מִצְרַיִם.

12 אָבער גאָט האָט פעסט געמאַכט פּרעהס האַרץ, און ער האָט ניט צוגעהערט צו זיי; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט צו משהן.

13 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: פעדער זיך אין דער פרי, און שטעל זיך פאַר פּרעהן, און זאָג צו אים: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון די עִבְרים: לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. 14 ווייל דאָס מאָל

כו לְבִלְתִּי שַׁלַּח אֶת־הָעָם לִזְבֹּחַ לַיהוָה׃ וַיֵּצֵא מֹשֶׁה מֵעִם
כז פַּרְעֹה וַיֶּעְתַּר אֶל־יְהוָה׃ וַיַּעַשׂ יְהוָה כִּדְבַר מֹשֶׁה וַיָּסַר
כח הֶעָרֹב מִפַּרְעֹה מֵעֲבָדָיו וּמֵעַמּוֹ לֹא נִשְׁאַר אֶחָד׃ וַיַּכְבֵּד
פַּרְעֹה אֶת־לִבּוֹ גַּם בַּפַּעַם הַזֹּאת וְלֹא שִׁלַּח אֶת־הָעָם׃ פ

ט

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בֹּא אֶל־פַּרְעֹה וְדִבַּרְתָּ אֵלָיו כֹּה־
ב אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי הָעִבְרִים שַׁלַּח אֶת־עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי׃ כִּי
ג אִם־מָאֵן אַתָּה לְשַׁלֵּחַ וְעוֹדְךָ מַחֲזִיק בָּם׃ הִנֵּה יַד־יְהוָה
הוֹיָה בְּמִקְנְךָ אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה בַּסּוּסִים בַּחֲמֹרִים בַּגְּמַלִּים
ד בַּבָּקָר וּבַצֹּאן דֶּבֶר כָּבֵד מְאֹד׃ וְהִפְלָה יְהוָה בֵּין מִקְנֵה
יִשְׂרָאֵל וּבֵין מִקְנֵה מִצְרָיִם וְלֹא יָמוּת מִכָּל־לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל
ה דָּבָר׃ וַיָּשֶׂם יְהוָה מוֹעֵד לֵאמֹר מָחָר יַעֲשֶׂה יְהוָה הַדָּבָר
ו הַזֶּה בָּאָרֶץ׃ וַיַּעַשׂ יְהוָה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה מִמָּחֳרָת וַיָּמָת
כֹּל מִקְנֵה מִצְרָיִם וּמִמִּקְנֵה בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לֹא־מֵת אֶחָד׃
ז וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה וְהִנֵּה לֹא־מֵת מִמִּקְנֵה יִשְׂרָאֵל עַד־אֶחָד
וַיִּכְבַּד לֵב פַּרְעֹה וְלֹא שִׁלַּח אֶת־הָעָם׃ פ
ח וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן קְחוּ לָכֶם מְלֹא חָפְנֵיכֶם
ט פִּיחַ כִּבְשָׁן וּזְרָקוֹ מֹשֶׁה הַשָּׁמַיְמָה לְעֵינֵי פַרְעֹה׃ וְהָיָה
לְאָבָק עַל כָּל־אֶרֶץ מִצְרָיִם וְהָיָה עַל־הָאָדָם וְעַל־הַבְּהֵמָה
י לִשְׁחִין פֹּרֵחַ אֲבַעְבֻּעֹת בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיִּקְחוּ אֶת־
פִּיחַ הַכִּבְשָׁן וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי פַרְעֹה וַיִּזְרֹק אֹתוֹ מֹשֶׁה
הַשָּׁמָיְמָה וַיְהִי שְׁחִין אֲבַעְבֻּעֹת פֹּרֵחַ בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה׃
יא וְלֹא־יָכְלוּ הַחַרְטֻמִּים לַעֲמֹד לִפְנֵי מֹשֶׁה מִפְּנֵי הַשְּׁחִין כִּי־
יב הָיָה הַשְּׁחִין בַּחַרְטֻמִּם וּבְכָל־מִצְרָיִם׃ וַיְחַזֵּק יְהוָה אֶת־
לֵב פַּרְעֹה וְלֹא שָׁמַע אֲלֵהֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֶל־
יג מֹשֶׁה׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר
וְהִתְיַצֵּב לִפְנֵי פַרְעֹה וְאָמַרְתָּ אֵלָיו כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי
יד הָעִבְרִים שַׁלַּח אֶת־עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי׃ כִּי ׀ בַּפַּעַם הַזֹּאת אֲנִי

שֹׁלֵחַ אֶת־כָּל־מַגֵּפֹתַי אֶל־לִבְּךָ וּבַעֲבָדֶיךָ וּבְעַמֶּךָ בַּעֲבוּר
תֵּדַע כִּי אֵין כָּמֹנִי בְּכָל־הָאָרֶץ׃ כִּי עַתָּה שָׁלַחְתִּי אֶת־ טו
יָדִי וָאַךְ אוֹתְךָ וְאֶת־עַמְּךָ בַּדָּבֶר וַתִּכָּחֵד מִן־הָאָרֶץ׃
וְאוּלָם בַּעֲבוּר זֹאת הֶעֱמַדְתִּיךָ בַּעֲבוּר הַרְאֹתְךָ אֶת־כֹּחִי טז
וּלְמַעַן סַפֵּר שְׁמִי בְּכָל־הָאָרֶץ׃ עוֹדְךָ מִסְתּוֹלֵל בְּעַמִּי שב׳
לְבִלְתִּי שַׁלְּחָם׃ הִנְנִי מַמְטִיר כָּעֵת מָחָר בָּרָד כָּבֵד מְאֹד יח
אֲשֶׁר לֹא־הָיָה כָמֹהוּ בְּמִצְרַיִם לְמִן־הַיּוֹם הִוָּסְדָה וְעַד־
עָתָּה׃ וְעַתָּה שְׁלַח הָעֵז אֶת־מִקְנְךָ וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר לְךָ יט
בַּשָּׂדֶה כָּל־הָאָדָם וְהַבְּהֵמָה אֲשֶׁר־יִמָּצֵא בַשָּׂדֶה וְלֹא יֵאָסֵף
הַבַּיְתָה וְיָרַד עֲלֵהֶם הַבָּרָד וָמֵתוּ׃ הַיָּרֵא אֶת־דְּבַר יְהוָה כ
מֵעַבְדֵי פַּרְעֹה הֵנִיס אֶת־עֲבָדָיו וְאֶת־מִקְנֵהוּ אֶל־הַבָּתִּים׃
וַאֲשֶׁר לֹא־שָׂם לִבּוֹ אֶל־דְּבַר יְהוָה וַיַּעֲזֹב אֶת־עֲבָדָיו וְאֶת־ כא
מִקְנֵהוּ בַּשָּׂדֶה׃ פ
וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה נְטֵה אֶת־יָדְךָ עַל־הַשָּׁמַיִם וִיהִי כב
בָרָד בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם עַל־הָאָדָם וְעַל־הַבְּהֵמָה וְעַל כָּל־
עֵשֶׂב הַשָּׂדֶה בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיֵּט מֹשֶׁה אֶת־מַטֵּהוּ עַל־ כג
הַשָּׁמַיִם וַיהוָה נָתַן קֹלֹת וּבָרָד וַתִּהֲלַךְ־אֵשׁ אָרְצָה וַיַּמְטֵר
יְהוָה בָּרָד עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיְהִי בָרָד וְאֵשׁ מִתְלַקַּחַת כד
בְּתוֹךְ הַבָּרָד כָּבֵד מְאֹד אֲשֶׁר לֹא־הָיָה כָמֹהוּ בְּכָל־אֶרֶץ
מִצְרַיִם מֵאָז הָיְתָה לְגוֹי׃ וַיַּךְ הַבָּרָד בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרַיִם כה
אֵת כָּל־אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה מֵאָדָם וְעַד־בְּהֵמָה וְאֵת כָּל־עֵשֶׂב
הַשָּׂדֶה הִכָּה הַבָּרָד וְאֶת־כָּל־עֵץ הַשָּׂדֶה שִׁבֵּר׃ רַק בְּאֶרֶץ כו
גֹּשֶׁן אֲשֶׁר־שָׁם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא הָיָה בָּרָד׃ וַיִּשְׁלַח פַּרְעֹה כז
וַיִּקְרָא לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם חָטָאתִי הַפָּעַם יְהוָה
הַצַּדִּיק וַאֲנִי וְעַמִּי הָרְשָׁעִים׃ הַעְתִּירוּ אֶל־יְהוָה וְרַב מִהְיֹת כח
קֹלֹת אֱלֹהִים וּבָרָד וַאֲשַׁלְּחָה אֶתְכֶם וְלֹא תֹסִפוּן לַעֲמֹד׃
וַיֹּאמֶר אֵלָיו מֹשֶׁה כְּצֵאתִי אֶת־הָעִיר אֶפְרֹשׂ אֶת־כַּפַּי אֶל־ כט
יְהוָה הַקֹּלוֹת יֶחְדָּלוּן וְהַבָּרָד לֹא יִהְיֶה־עוֹד לְמַעַן תֵּדַע

שיק איך אָן אַלע מײַנע פּלאָגן אויף דיר גופא, אויף דײַנע קנעכט, און אויף דײַן פֿאָלק, כּדי זאָלסט װיסן, אַז ניטאָ אַזאַ װי איך אויף דער גאַנצער ערד. 15 װאָרום איך װאָלט אַצונד אויסגעשטרעקט מײַן האַנט, און װאָלט געשלאָגן דיך און דײַן פֿאָלק מיט אַ מגפה, אַז דו װאָלסט פֿאַרטיליקט געװאָרן פֿון דער ערד. 16 און נאָר דרום האָב איך דיך געלאָזט באַשטיין, כּדי דיר צו װײַזן מײַן כּוח, און כּדי מע זאָל דערצײלן מײַן נאָמען איבער דער גאַנצער ערד. 17 נאָך אַלץ דערהײבסטו זיך אַקעגן מײַן פֿאָלק, זײ ניט אַװעקצולאָזן. 18 זע, איך מאַך רעגענען מאָרגן אין דער צײַט זײער אַ שװערן האָגל, װאָס אַזאַ װי ער איז ניט געװען אין מִצרַיִם פֿון דעם טאָג װאָס זי איז געגרונטפֿעסט געװאָרן און ביז אַצונד. 19 און אַצונד שיק אַרײַנטרײַבן דײַן פֿי, און אַלץ װאָס דו האָסט אין פֿעלד; יעטװעדער מענטש און בהמה װאָס װעט זיך געפֿינען אין פֿעלד, און װעט ניט אַרײַנגענומען װערן אין הויז, װעט אויף זײ נידערן דער האָגל, און זײ װעלן שטאַרבן.

20 דער פֿון פּרעהס דינער װאָס האָט מורא געהאַט פֿאַר גאָטס װאָרט, האָט געמאַכט אַנטרינען זײַנע קנעכט און זײַן פֿי אין די הײַזער. 21 און װער עס האָט ניט געטאָן זײַן האַרץ אויף גאָטס װאָרט, האָט איבערגעלאָזן זײַנע קנעכט און זײַן פֿי אין פֿעלד.

22 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: שטרעק אויס דײַן האַנט אַקעגן הימל, און זאָל װערן אַ האָגל אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, אויף מענטשן, און אויף בהמות, און אויף אַלע קרײַטעכער פֿון פֿעלד, אין לאַנד מִצרַיִם.

23 האָט משה אויסגעשטרעקט זײַן שטעקן אַקעגן הימל, און גאָט האָט געגעבן דונערן און האָגל, און אַ פֿײַער איז אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד; און גאָט האָט געמאַכט רעגענען אַ האָגל אויפֿן לאַנד מִצרַיִם. 24 און עס איז געװען אַ האָגל, מיט אַ פֿלאַקעריקן פֿײַער אין מיטן האָגל, זײער אַ שװערער, װאָס אַזאַ װי ער איז ניט געװען אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, פֿון זינט עס איז געװאָרן צום פֿאָלק. 25 און דער האָגל האָט אײַנגעשלאָגן אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם אַלץ װאָס אויפֿן פֿעלד, פֿון אַ מענטשן ביז אַ בהמה; אויך יעטװעדער קרײַטעכץ פֿון פֿעלד האָט דער האָגל אויסגעשלאָגן, און יעטװעדער בוים פֿון פֿעלד האָט ער צעבראָכן. 26 נאָר אין לאַנד גושן, װאָס דאָרטן זײַנען געװען די קינדער פֿון ישׂראל, איז קײן האָגל ניט געװען.

27 האָט פּרעה געשיקט און גערופֿן משהן און אַהרנען, און ער האָט צו זײ געזאָגט: איך האָב געזינדיקט דאָס מאָל; יהוה איז גערעכט, און איך און מײַן פֿאָלק זײַנען אומגערעכט. 28 בעט צו יהוה, און זאָל זײַן גענוג די דונערן פֿון גאָט און דער האָגל, און איך װעל אײַך אַװעקלאָזן, און איר װעט מער ניט בלײַבן. 29 האָט משה צו אים געזאָגט: װי איך גײ אַרויס פֿון שטאָט, װעל איך אויסשפּרײטן מײַנע הענט צו יהוה; װעלן די דונערן אויפֿהערן, און דער האָגל װעט מער ניט זײַן; כּדי זאָלסט װיסן אַז צו יהוה געהערט

די ערד. 30 און דו און דיינע קנעכט—איך ווייס, אַז איר
האָט נאָך אַליץ ניט מורא פאַר גאָט יהוה.
31 און דער פלאַקס און דער גערשט זיינען אויסגע־
שלאָגן געוואָרן, וואָרום דער גערשט איז געווען אין זאַנג,
און דער פלאַקס אין בליאונג. 32 אָבער דער ווייץ און
דער טונקלווייץ זיינען ניט אויסגעשלאָגן געוואָרן, ווייל זיי
ווערן שפּעט צייטיק.
33 און משה איז אַרויסגעאַנגען פון פּרעהן אויסן
שטאָט, און האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט צו גאָט, און
די דונערן און דער האָגל האָבן אויפגעהערט, און דער
רעגן האָט מער ניט געגאָסן אויף דער ערד.

ל כִּי לַיהוָה הָאָרֶץ׃ וְאַתָּה וַעֲבָדֶיךָ יָדַעְתִּי כִּי טֶרֶם תִּירְאוּן
לא מִפְּנֵי יְהוָה אֱלֹהִים׃ וְהַפִּשְׁתָּה וְהַשְּׂעֹרָה נֻכָּתָה כִּי הַשְּׂעֹרָה
לב אָבִיב וְהַפִּשְׁתָּה גִּבְעֹל׃ וְהַחִטָּה וְהַכֻּסֶּמֶת לֹא נֻכּוּ כִּי
מפ׳ אֲפִילֹת הֵנָּה׃ וַיֵּצֵא מֹשֶׁה מֵעִם פַּרְעֹה אֶת־הָעִיר וַיִּפְרֹשׂ
כַּפָּיו אֶל־יְהוָה וַיַּחְדְּלוּ הַקֹּלוֹת וְהַבָּרָד וּמָטָר לֹא־נִתַּךְ
לד אָרְצָה׃ וַיַּרְא פַּרְעֹה כִּי־חָדַל הַמָּטָר וְהַבָּרָד וְהַקֹּלֹת
לה וַיֹּסֶף לַחֲטֹא וַיַּכְבֵּד לִבּוֹ הוּא וַעֲבָדָיו׃ וַיֶּחֱזַק לֵב פַּרְעֹה
וְלֹא שִׁלַּח אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה׃
פ

34 און ווי פּרעה האָט געזען, אַז דער רעגן און דער האָגל און די דונערן האָבן אויפגעהערט, אַזוי האָט ער
ווייטער געזינדיקט, און האָט האַרט געמאַכט זיין האַרץ, ער און זיינע קנעכט. 35 און פּרעהס האַרץ איז געבליבן פעסט,
און ער האָט ניט אַוועקגעלאָזן די קינדער פון ישׂראל; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט דורך משהן.

# בא

1 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: קום צו פּרעהן,
וואָרום איך האָב האַרט געמאַכט זיין האַרץ, און
דאָס האַרץ פון זיינע קנעכט, כּדי איך זאָל טאָן מיינע
דאָזיקע צייכנס צווישן אים; 2 און כּדי זאָלסט דערציילן
אין די אויערן פון דיין זון, און פון דיין זונס זון, וואָס איך
האָב אָנגעטאָן מִצרַיִם, און מיינע צייכנס וואָס איך האָב
געמאַכט צווישן זיי; און איר זאָלט וויסן, אַז איך בין יהוה.
3 זיינען משה און אַהרן געקומען צו פּרעהן, און זיי
האָבן צו אים געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט
פון די עִברים: ביז וואַנען וועסטו זיך ניט וועלן בייגן פאַר
מיר? לאָז אַוועק מיין פאָלק, זיי זאָלן מיר דינען. 4 וואָרום
אויב דו ווילסט ניט אַוועקלאָזן מיין פאָלק, אָט ברענג
איך מאָרגן אַ היישעריק אין דיין גבול. 5 און ער וועט
פאַרדעקן דעם אָנבליק פון דער ערד, אַז מע וועט ניט
קענען אַרויסזען די ערד; און ער וועט אויפעסן דעם
רעשט פון דער אַנטרינונג, וואָס אַייך איז געבליבן פון
דעם האָגל, און וועט אויפעסן יעטוועדער בוים וואָס
וואַקסט ביי אַייך אויפן פעלד. 6 און אָנגעפילט וועלן
ווערן דיינע הייזער, און די הייזער פון אַלע דיינע קנעכט,

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בֹּא אֶל־פַּרְעֹה כִּי־אֲנִי הִכְבַּדְתִּי
אֶת־לִבּוֹ וְאֶת־לֵב עֲבָדָיו לְמַעַן שִׁתִי אֹתֹתַי אֵלֶּה בְּקִרְבּוֹ׃
ב וּלְמַעַן תְּסַפֵּר בְּאָזְנֵי בִנְךָ וּבֶן־בִּנְךָ אֵת אֲשֶׁר הִתְעַלַּלְתִּי
בְּמִצְרַיִם וְאֶת־אֹתֹתַי אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי בָם וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי
ג יְהוָה׃ וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל־פַּרְעֹה וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו כֹּה־
אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי הָעִבְרִים עַד־מָתַי מֵאַנְתָּ לֵעָנֹת מִפָּנָי
ד שַׁלַּח עַמִּי וְיַעַבְדֻנִי׃ כִּי אִם־מָאֵן אַתָּה לְשַׁלֵּחַ אֶת־עַמִּי
ה הִנְנִי מֵבִיא מָחָר אַרְבֶּה בִּגְבֻלֶךָ׃ וְכִסָּה אֶת־עֵין הָאָרֶץ
וְלֹא יוּכַל לִרְאֹת אֶת־הָאָרֶץ וְאָכַל ׀ אֶת־יֶתֶר הַפְּלֵטָה
הַנִּשְׁאֶרֶת לָכֶם מִן־הַבָּרָד וְאָכַל אֶת־כָּל־הָעֵץ הַצֹּמֵחַ לָכֶם
ו מִן־הַשָּׂדֶה׃ וּמָלְאוּ בָתֶּיךָ וּבָתֵּי כָל־עֲבָדֶיךָ וּבָתֵּי כָל־
מִצְרַיִם אֲשֶׁר לֹא־רָאוּ אֲבֹתֶיךָ וַאֲבוֹת אֲבֹתֶיךָ מִיּוֹם
הֱיוֹתָם עַל־הָאֲדָמָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה וַיִּפֶן וַיֵּצֵא מֵעִם פַּרְעֹה׃
ז וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי פַרְעֹה אֵלָיו עַד־מָתַי יִהְיֶה זֶה לָנוּ לְמוֹקֵשׁ
שַׁלַּח אֶת־הָאֲנָשִׁים וְיַעַבְדוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם הֲטֶרֶם תֵּדַע
ח כִּי אָבְדָה מִצְרָיִם׃ וַיּוּשַׁב אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן אֶל־
פַּרְעֹה וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם לְכוּ עִבְדוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם מִי וָמִי
ט הַהֹלְכִים׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ בְּבָנֵינוּ

און די הייזער פון גאַנץ מִצרַיִם; וואָס דיינע עלטערן און דיינע עלטערנס עלטערן האָבן ניט געזען פון דעם טאָג, וואָס
זיי זיינען געווען אויף דער ערד, און ביז היינטיקן טאָג.—און ער האָט זיך אומגעקערט, און איז אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן.
7 האָבן פּרעהס קנעכט צו אים געזאָגט: ביז וואַנען וועט דער דאָזיקער אונדז זיין פאַר אַ שטרויכלונג? לאָז אַוועק
די לייט, און זאָלן זיי דינען יהוה זייער גאָט. צי נאָך ווייסטו ניט אַז מִצרַיִם גייט אונטער?
8 האָט מען אומגעקערט משהן און אַהרנען צו פּרעהן, און ער האָט צו זיי געזאָגט: גייט דינט יהוה אַייער גאָט; אָבער
ווער און ווער זיינען די גייער? 9 האָט משה געזאָגט: מיט אונדזערע יונגע און מיט אונדזערע אַלטע וועלן מיר גיין; מיט

י וּבִבְנוֹתֵנוּ בְּצֹאנֵנוּ וּבִבְקָרֵנוּ נֵלֵךְ כִּי חַג־יְהוָה לָנוּ׃ וַיֹּאמֶר
אֲלֵהֶם יְהִי כֵן יְהוָה עִמָּכֶם כַּאֲשֶׁר אֲשַׁלַּח אֶתְכֶם וְאֶת־
יא טַפְּכֶם רְאוּ כִּי רָעָה נֶגֶד פְּנֵיכֶם׃ לֹא כֵן לְכוּ נָא הַגְּבָרִים
וְעִבְדוּ אֶת־יְהוָה כִּי אֹתָהּ אַתֶּם מְבַקְשִׁים וַיְגָרֶשׁ אֹתָם מֵאֵת
שני פְּנֵי פַרְעֹה׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה נְטֵה יָדְךָ עַל־אֶרֶץ
מִצְרַיִם בָּאַרְבֶּה וְיַעַל עַל־אֶרֶץ מִצְרָיִם וְיֹאכַל אֶת־כָּל־
יג עֵשֶׂב הָאָרֶץ אֵת כָּל־אֲשֶׁר הִשְׁאִיר הַבָּרָד׃ וַיֵּט מֹשֶׁה אֶת־
מַטֵּהוּ עַל־אֶרֶץ מִצְרַיִם וַיהוָה נִהַג רוּחַ־קָדִים בָּאָרֶץ כָּל־
הַיּוֹם הַהוּא וְכָל־הַלָּיְלָה הַבֹּקֶר הָיָה וְרוּחַ הַקָּדִים נָשָׂא
יד אֶת־הָאַרְבֶּה׃ וַיַּעַל הָאַרְבֶּה עַל כָּל־אֶרֶץ מִצְרַיִם וַיָּנַח בְּכֹל
גְּבוּל מִצְרָיִם כָּבֵד מְאֹד לְפָנָיו לֹא־הָיָה כֵן אַרְבֶּה כָּמֹהוּ
טו וְאַחֲרָיו לֹא יִהְיֶה־כֵּן׃ וַיְכַס אֶת־עֵין כָּל־הָאָרֶץ וַתֶּחְשַׁךְ
הָאָרֶץ וַיֹּאכַל אֶת־כָּל־עֵשֶׂב הָאָרֶץ וְאֵת כָּל־פְּרִי הָעֵץ אֲשֶׁר
הוֹתִיר הַבָּרָד וְלֹא־נוֹתַר כָּל־יֶרֶק בָּעֵץ וּבְעֵשֶׂב הַשָּׂדֶה
טז בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיְמַהֵר פַּרְעֹה לִקְרֹא לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן
יז וַיֹּאמֶר חָטָאתִי לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְלָכֶם׃ וְעַתָּה שָׂא נָא חַטָּאתִי
אַךְ הַפַּעַם וְהַעְתִּירוּ לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְיָסֵר מֵעָלַי רַק אֶת־
יח הַמָּוֶת הַזֶּה׃ וַיֵּצֵא מֵעִם פַּרְעֹה וַיֶּעְתַּר אֶל־יְהוָה׃ וַיַּהֲפֹךְ
יט יְהוָה רוּחַ־יָם חָזָק מְאֹד וַיִּשָּׂא אֶת־הָאַרְבֶּה וַיִּתְקָעֵהוּ יָמָּה
כ סּוּף לֹא נִשְׁאַר אַרְבֶּה אֶחָד בְּכֹל גְּבוּל מִצְרָיִם׃ וַיְחַזֵּק יְהוָה
אֶת־לֵב פַּרְעֹה וְלֹא שִׁלַּח אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ פ
כא וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה נְטֵה יָדְךָ עַל־הַשָּׁמַיִם וִיהִי חֹשֶׁךְ עַל־
כב אֶרֶץ מִצְרָיִם וְיָמֵשׁ חֹשֶׁךְ׃ וַיֵּט מֹשֶׁה אֶת־יָדוֹ עַל־הַשָּׁמָיִם
כג וַיְהִי חֹשֶׁךְ־אֲפֵלָה בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרַיִם שְׁלֹשֶׁת יָמִים׃ לֹא־רָאוּ
אִישׁ אֶת־אָחִיו וְלֹא־קָמוּ אִישׁ מִתַּחְתָּיו שְׁלֹשֶׁת יָמִים וּלְכָל־
שלי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָיָה אוֹר בְּמוֹשְׁבֹתָם׃ וַיִּקְרָא פַרְעֹה אֶל־מֹשֶׁה
וַיֹּאמֶר לְכוּ עִבְדוּ אֶת־יְהוָה רַק צֹאנְכֶם וּבְקַרְכֶם יֻצָּג גַּם־
כה טַפְּכֶם יֵלֵךְ עִמָּכֶם׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה גַּם־אַתָּה תִּתֵּן בְּיָדֵנוּ זְבָחִים

אונדזערע זין און מיט אונדזערע טעכטער, מיט אונדזערע שאָף און מיט אונדזערע רינדער וועלן מיר גיין; וואָרום אַ יום־טוב צו יהוה איז בײַ אונדז. [10] האָט ער צו זיי געזאָגט: זאָל יהוה אַזוי זײַן מיט אײַך, ווי איך וועל אײַך אַוועקלאָזן מיט אײַערע געזינטן! זעט, אַז איר האָט עפּעס שלעכטס אין אויסקוק. [11] ניט אַזוי! גייט אַקאָרשט איר מענער און דינט יהוה, וואָרום דאָס איז דאָך וואָס איר פֿאַרלאַנגט.–און מע האָט זיי אַרויסגעטריבן פֿון פֿאַר פַּרעהן.

[12] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: שטרעק אויס דײַן האַנט אויפֿן לאַנד מִצרַיִם וועגן דעם הײשעריק, און ער וועט אַרויפֿגיין אויפֿן לאַנד מִצרַיִם, און וועט אויפֿעסן יעטוועדער קרײַטעכץ פֿון דער ערד, אַלץ וואָס דער האָגל האָט איבערגעלאָזן.

[13] און משה האָט אויסגעשטרעקט זײַן שטעקן אויפֿן לאַנד מִצרַיִם, און גאָט האָט געטריבן אַ מזרח־ווינט אויפֿן לאַנד יענעם גאַנצן טאָג און די גאַנצע נאַכט; ווי עס איז געוואָרן פֿרימאָרגן, אַזוי האָט דער מזרח־ווינט אָנגעטראָגן דעם הײשעריק. [14] און דער הײשעריק איז אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דעם גאַנצן גבול פֿון מִצרַיִם זייער שווער; ניט פֿאַר אים איז געווען אַזאַ הײשעריק ווי ער, און ניט נאָך אים וועט זײַן אַזאַ. [15] און ער האָט פֿאַרדעקט דעם אָנבליק פֿון דער גאַנצער ערד, און די ערד איז פֿינצטער געוואָרן; און ער האָט אויפֿגעגעסן יעטוועדער קרײַטעכץ פֿון דער ערד, און יעטוועדער פּרוכט פֿון בוים, וואָס דער האָגל האָט איבערגעלאָזן; און עס איז ניט געבליבן קיין גרינס פֿון אַ בוים אָדער פֿון אַ קרײַטעכץ פֿון פֿעלד אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם.

[16] האָט פַּרעה גערופֿן אויף גיך משהן און אַהרנען, און האָט געזאָגט: איך האָב געזינדיקט צו יהוה אײַער גאָט, און צו אײַך. [17] און אַצונד פֿאַרגיב, איך בעט דיך, מײַן חטא בלויז דאָס מאָל, און בעט צו יהוה אײַער גאָט, ער זאָל אָפּטאָן פֿון מיר נאָר דידאָזיקע פּעסט.

[18] איז ער אַרויסגעגאַנגען פֿון פַּרעהן, און האָט געבעטן צו גאָט. [19] און גאָט האָט פֿאַרקערט זייער אַ שטאַרקן מערב־ווינט, וואָס האָט אַוועקגעטראָגן דעם הײשעריק, און האָט אים אַרײַנגעשטופּט אין ים־סוף; ניט אַן אײנציקער הײשעריק איז געבליבן אין גאַנצן גבול פֿון מִצרַיִם.

[20] אָבער גאָט האָט פֿעסט געמאַכט פַּרעהס האַרץ, און ער האָט ניט אַוועקגעלאָזן די קינדער פֿון ישׂראל.

[21] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: שטרעק אויס דײַן האַנט אַקעגן הימל, און זאָל ווערן אַ פֿינצטערניש איבערן לאַנד מִצרַיִם, אַז מע זאָל קענען אָנטאַפּן די פֿינצטערניש.

[22] האָט משה אויסגעשטרעקט זײַן האַנט אַקעגן הימל, און עס איז געווען אַ שטאָקפֿינצטערניש אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם דרײַ טעג. [23] זיי האָבן אײנער דעם אַנדערן ניט געזען, און זיי האָבן זיך קײנער ניט אויפֿגעהויבן פֿון זײַן אָרט דרײַ טעג. אָבער בײַ אַלע קינדער פֿון ישׂראל איז געווען ליכטיק אין זייערע וווינערטער.

[24] האָט פַּרעה גערופֿן משהן, און האָט געזאָגט: גייט דינט יהוה; נאָר אײַערע שאָף און אײַערע רינדער זאָלן זיך אָפּשטעלן; אײַערע געזינטן זאָלן אויך גיין מיט אײַך. [25] האָט משה געזאָגט: אי דו מוזט אונדז מיטגעבן שלאַכטאָפּפֿער

כו וְעֹלֹת וְעָשִׂינוּ לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ׃ וְגַם־מִקְנֵנוּ יֵלֵךְ עִמָּנוּ לֹא
תִשָּׁאֵר פַּרְסָה כִּי מִמֶּנּוּ נִקַּח לַעֲבֹד אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
כז וַאֲנַחְנוּ לֹא־נֵדַע מַה־נַּעֲבֹד אֶת־יְהוָה עַד־בֹּאֵנוּ שָׁמָּה׃ וַיְחַזֵּק
כח יְהוָה אֶת־לֵב פַּרְעֹה וְלֹא אָבָה לְשַׁלְּחָם׃ וַיֹּאמֶר־לוֹ פַרְעֹה
לֵךְ מֵעָלָי הִשָּׁמֶר לְךָ אַל־תֹּסֶף רְאוֹת פָּנַי כִּי בְּיוֹם
כט רְאֹתְךָ פָנַי תָּמוּת׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה כֵּן דִּבַּרְתָּ לֹא־אֹסִף עוֹד
רְאוֹת פָּנֶיךָ׃ פ

יא

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה עוֹד נֶגַע אֶחָד אָבִיא עַל־פַּרְעֹה
וְעַל־מִצְרַיִם אַחֲרֵי־כֵן יְשַׁלַּח אֶתְכֶם מִזֶּה כְּשַׁלְּחוֹ כָּלָה
ב גָּרֵשׁ יְגָרֵשׁ אֶתְכֶם מִזֶּה׃ דַּבֶּר־נָא בְּאָזְנֵי הָעָם וְיִשְׁאֲלוּ
אִישׁ ׀ מֵאֵת רֵעֵהוּ וְאִשָּׁה מֵאֵת רְעוּתָהּ כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי
ג זָהָב׃ וַיִּתֵּן יְהוָה אֶת־חֵן הָעָם בְּעֵינֵי מִצְרָיִם גַּם ׀ הָאִישׁ
מֹשֶׁה גָּדוֹל מְאֹד בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּעֵינֵי עַבְדֵי־פַרְעֹה וּבְעֵינֵי
ד הָעָם׃ ס וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה כֹּה אָמַר יְהוָה כַּחֲצֹת הַלַּיְלָה אֲנִי
ה יוֹצֵא בְּתוֹךְ מִצְרָיִם׃ וּמֵת כָּל־בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם
מִבְּכוֹר פַּרְעֹה הַיֹּשֵׁב עַל־כִּסְאוֹ עַד בְּכוֹר הַשִּׁפְחָה אֲשֶׁר
ו אַחַר הָרֵחָיִם וְכֹל בְּכוֹר בְּהֵמָה׃ וְהָיְתָה צְעָקָה גְדֹלָה
בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם אֲשֶׁר כָּמֹהוּ לֹא נִהְיָתָה וְכָמֹהוּ לֹא
ז תֹסִף׃ וּלְכֹל ׀ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא יֶחֱרַץ־כֶּלֶב לְשֹׁנוֹ לְמֵאִישׁ
וְעַד־בְּהֵמָה לְמַעַן תֵּדְעוּן אֲשֶׁר יַפְלֶה יְהוָה בֵּין מִצְרַיִם
ח וּבֵין יִשְׂרָאֵל׃ וְיָרְדוּ כָל־עֲבָדֶיךָ אֵלֶּה אֵלַי וְהִשְׁתַּחֲווּ־לִי
לֵאמֹר צֵא אַתָּה וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר־בְּרַגְלֶיךָ וְאַחֲרֵי־כֵן אֵצֵא
ט וַיֵּצֵא מֵעִם־פַּרְעֹה בָּחֳרִי־אָף׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
לֹא־יִשְׁמַע אֲלֵיכֶם פַּרְעֹה לְמַעַן רְבוֹת מוֹפְתַי בְּאֶרֶץ
י מִצְרָיִם׃ וּמֹשֶׁה וְאַהֲרֹן עָשׂוּ אֶת־כָּל־הַמֹּפְתִים הָאֵלֶּה
לִפְנֵי פַרְעֹה וַיְחַזֵּק יְהוָה אֶת־לֵב פַּרְעֹה וְלֹא־שִׁלַּח אֶת־
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאַרְצוֹ׃ ס

י, כט׳ פתח באתנח   יא, ו׳ ב׳ סבירין כמהו בענין

און בראַנדאָפּפער, כדי מיר זאָלן מקריב זיין צו יהוה אונדזער גאָט. [26] אַז אונדזער פי מוז מיטגיין מיט אונדז; ניט אַ קלוי זאָל איבערבלייבן; וואָרום דערפון וועלן מיר נעמען אויף צו דינען יהוה אונדזער גאָט; און מיר ווייסן ניט מיט וואָס מיר וועלן דאַרפן דינען יהוה, ביז מיר קומען אַהין.

[27] אָבער גאָט האָט פעסט געמאַכט פּרעהס האַרץ, און ער האָט זיי ניט געוואָלט אַוועקלאָזן. [28] און פּרעה האָט צו אים געזאָגט: גיי אַוועק פון מיר; היט זיך, זאָלסט מער מיין פּנים ניט זען, וואָרום אין דעם טאָג וואָס דו זעסט מיין פּנים, וועסטו שטאַרבן. [29] האָט משה געזאָגט: האָסט ריכטיק גערעדט; איך וועל מער ווידער דיין פּנים ניט זען.

יא [1] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: נאָך איין פּלאָג וועל איך ברענגען אויף פּרעהן און אויף מִצרַיִם, דערנאָך וועט ער אײַך אַוועקלאָזן פון דאַנען; אַז ער לאָזט אײַך אַוועק, וועט ער אײַך טרײַבנדיק אין גאַנצן אַרויסטרײַבן פון דאַנען. [2] רעד אָקאָרשט אין די אויערן פון פאָלק, זיי זאָלן אַנטלײַען איטלעכער פון זיין חבר, און איטלעכע פון איר חברטע, זילבערנע זאַכן און גילדערנע זאַכן.

[3] און גאָט האָט געגעבן דעם פאָלק חן אין די אויגן פון מִצרַיִם. אויך איז דער מאַן משה געווען זייער גרויס אין לאַנד מִצרַיִם, אין די אויגן פון פּרעהס קנעכט, און אין די אויגן פון פאָלק.

[4] און משה האָט געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אַרום האַלבע נאַכט וועל איך אַרויסגיין צווישן מִצרַיִם; [5] און עס וועט שטאַרבן יעטוועדער בכור אין לאַנד מִצרַיִם, פון דעם בכור פון פּרעהן וואָס דאַרף זיצן אויף זיין טראָן, ביז דעם בכור פון דער דינסט וואָס הינטער די מילשטיינער; אויך יעטוועדער בכור פון אַ בהמה. [6] און עס וועט ווערן אַ גרויס געשריי אין גאַנצן לאַנד מִצרַיִם, וואָס אַזאַ איז ניט געווען, און אַזאַ וועט מער ניט זיין. [7] אָבער קעגן אַלע קינדער פון ישׂראל וועט אַ הונט ניט שאַרפן זיין צונג, סיי קעגן אַ מענטשן, סיי קעגן אַ בהמה; כדי איר זאָלט וויסן, אַז יהוה שיידט אָפּ צווישן מִצרַיִם און צווישן ישׂראל. [8] און אַלע דידאָזיקע קנעכט דײַנע וועלן אַראָפּנידערן צו מיר, און וועלן זיך בוקן צו מיר, אַזוי צו זאָגן: גיי אַרויס, דו מיט דיין גאַנצן פאָלק וואָס הינטער דיר; און נאָכדעם וועל איך אַרויסגיין.—און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון פּרעהן אין גרימצאָרן.

[9] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: פּרעה וועט ניט צוהערן צו אײַך; כדי צו מערן מיינע וווּנדער אין לאַנד מִצרַיִם. [10] און משה און אַהרן האָבן געטאָן אַלע דידאָזיקע וווּנדער פאַר פּרעהן; אָבער גאָט האָט פעסט געמאַכט פּרעהס האַרץ, און ער האָט ניט אַוועקגעלאָזן די קינדער פון ישׂראל פון זיין לאַנד.

יב

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם לֵאמֹר׃
ב הַחֹדֶשׁ הַזֶּה לָכֶם רֹאשׁ חֳדָשִׁים רִאשׁוֹן הוּא לָכֶם לְחָדְשֵׁי
ג הַשָּׁנָה׃ דַּבְּרוּ אֶל־כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר בֶּעָשֹׂר לַחֹדֶשׁ
ד הַזֶּה וְיִקְחוּ לָהֶם אִישׁ שֶׂה לְבֵית־אָבֹת שֶׂה לַבָּיִת׃ וְאִם־
יִמְעַט הַבַּיִת מִהְיוֹת מִשֶּׂה וְלָקַח הוּא וּשְׁכֵנוֹ הַקָּרֹב אֶל־
בֵּיתוֹ בְּמִכְסַת נְפָשֹׁת אִישׁ לְפִי אָכְלוֹ תָּכֹסּוּ עַל־הַשֶּׂה׃
ה שֶׂה תָמִים זָכָר בֶּן־שָׁנָה יִהְיֶה לָכֶם מִן־הַכְּבָשִׂים וּמִן־
ו הָעִזִּים תִּקָּחוּ׃ וְהָיָה לָכֶם לְמִשְׁמֶרֶת עַד אַרְבָּעָה עָשָׂר
יוֹם לַחֹדֶשׁ הַזֶּה וְשָׁחֲטוּ אֹתוֹ כֹּל קְהַל עֲדַת־יִשְׂרָאֵל בֵּין
ז הָעַרְבָּיִם׃ וְלָקְחוּ מִן־הַדָּם וְנָתְנוּ עַל־שְׁתֵּי הַמְּזוּזֹת וְעַל־
ח הַמַּשְׁקוֹף עַל הַבָּתִּים אֲשֶׁר־יֹאכְלוּ אֹתוֹ בָּהֶם׃ וְאָכְלוּ
אֶת־הַבָּשָׂר בַּלַּיְלָה הַזֶּה צְלִי־אֵשׁ וּמַצּוֹת עַל־מְרֹרִים
ט יֹאכְלֻהוּ׃ אַל־תֹּאכְלוּ מִמֶּנּוּ נָא וּבָשֵׁל מְבֻשָּׁל בַּמָּיִם כִּי
י אִם־צְלִי־אֵשׁ רֹאשׁוֹ עַל־כְּרָעָיו וְעַל־קִרְבּוֹ׃ וְלֹא־תוֹתִירוּ
יא מִמֶּנּוּ עַד־בֹּקֶר וְהַנֹּתָר מִמֶּנּוּ עַד־בֹּקֶר בָּאֵשׁ תִּשְׂרֹפוּ׃ וְכָכָה
תֹּאכְלוּ אֹתוֹ מָתְנֵיכֶם חֲגֻרִים נַעֲלֵיכֶם בְּרַגְלֵיכֶם וּמַקֶּלְכֶם
יב בְּיֶדְכֶם וַאֲכַלְתֶּם אֹתוֹ בְּחִפָּזוֹן פֶּסַח הוּא לַיהוָה׃ וְעָבַרְתִּי
בְאֶרֶץ־מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה וְהִכֵּיתִי כָל־בְּכוֹר בְּאֶרֶץ
מִצְרַיִם מֵאָדָם וְעַד־בְּהֵמָה וּבְכָל־אֱלֹהֵי מִצְרַיִם אֶעֱשֶׂה
יג שְׁפָטִים אֲנִי יְהוָה׃ וְהָיָה הַדָּם לָכֶם לְאֹת עַל הַבָּתִּים
אֲשֶׁר אַתֶּם שָׁם וְרָאִיתִי אֶת־הַדָּם וּפָסַחְתִּי עֲלֵכֶם וְלֹא־
יד יִהְיֶה בָכֶם נֶגֶף לְמַשְׁחִית בְּהַכֹּתִי בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְהָיָה
הַיּוֹם הַזֶּה לָכֶם לְזִכָּרוֹן וְחַגֹּתֶם אֹתוֹ חַג לַיהוָה לְדֹרֹתֵיכֶם
טו חֻקַּת עוֹלָם תְּחָגֻּהוּ׃ שִׁבְעַת יָמִים מַצּוֹת תֹּאכֵלוּ אַךְ בַּיּוֹם
הָרִאשׁוֹן תַּשְׁבִּיתוּ שְּׂאֹר מִבָּתֵּיכֶם כִּי ׀ כָּל־אֹכֵל חָמֵץ
וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מִיִּשְׂרָאֵל מִיּוֹם הָרִאשֹׁן עַד־יוֹם

ז׳ בי טעמים יא׳ מלשל

**יב** 1 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן און צו אַהרנען אין לאַנד מִצרַיִם, אַזוי צו זאָגן: 2 דער דאָזיקער חודש זאָל אַייך זיין דער אָנהייב פון חדשים; דער ערשטער פון די חדשים פון יאָר זאָל ער אַייך זיין. 3 רעד צו דער גאַנצער עדה פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: אין צענטן טאָג פון דעמדאָזיקן חודש, זאָלן זיי איטלעכער זיך נעמען צו לאַם פאַר אַ פאָטערהויז, צו לאַם פאַר אַ הויזגעזינט. 4 און אויב דאָס הויזגעזינט איז צו ווינציק פאַר אַ לאַם, זאָל ער נעמען מיט זיין שכן וואָס איז נאָנט צו זיין הויז, לויט דער צאָל נפשות; איטלעכן ווערליק זיין עסן זאָלט איר ציילן אויפן לאַם. 5 אַ לאַם אָן אַ פעלער, אַ זָכר אַ יאָר אַלט, זאָל עס אַייך זיין; פון שעפּסן אָדער פון ציגן זאָלט איר נעמען. 6 און ער זאָל בײַ אַייך זיין אין אָפּהיטונג ביזן פערצנטן טאָג פון דעמדאָזיקן חודש, און די גאַנצע אײַנזאַמלונג פון דער עדה פון ישראל זאָל אים שעכטן קעגן אָוונט. 7 און זיי זאָלן נעמען פון דעם בלוט און אַרויפטאָן אויף בײדע בײשטידלעך, און אויף דעם אויבערשטידל, אויף די הײַזער וואָס זיי וועלן אים עסן אין זיי. 8 און זיי זאָלן עסן דאָס פלייש אין דער דאָזיקער נאַכט, געבראָטן אויפן פייער; מיט מצות און מיט ביטערע קרייטעכער זאָלן זיי עס עסן. 9 איר זאָלט ניט עסן פון אים האַלב געבראָטן, אָדער געקאָכט, אָפּגעקאָכט אין וואַסער, נײַערט געבראָטן אויפן פייער; זיין קאָפּ מיט זיינע קני און מיט זיינע אינגעווייד. 10 און איר זאָלט ניט איבערלאָזן פון אים ביז אין דער פרי, און וואָס וועט איבערבלייבן פון אים ביז אין דער פרי, זאָלט איר אין פייער פאַרברענען. 11 און אַזוי זאָלט איר אים עסן: אַייערע לענדן אָנגעגורט, אַייערע שיך אויף אַייערע פיס, און אַייער שטעקן אין אַייער האַנט; און איר זאָלט אים עסן אין געאײַל. אַ קָרבן־פֶּסַחא איז דאָס צו גאָט. 12 און איך וועל דורכגיין דורכן לאַנד מִצרַיִם אין דער דאָזיקער נאַכט, און וועל שלאָגן יעטוועדער בכור אין לאַנד מִצרַיִם, פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה; און אויף אַלע געטער פון מִצרַיִם וועל איך טאָן אַ משפט; איך בין יהוה. 13 און דאָס בלוט וועט אַייך זיין פאַר אַ צייכן אויף די הייזער וואָס איר זייט דאָרטן, און איך וועל זען דאָס בלוט, און וועל איבערהיפּן איבער אַייך, און עס וועט ניט זיין צווישן אַייך קיין פּלאָג אומצוברענגען, ווען איך שלאָג אין לאַנד מִצרַיִם. 14 און דער דאָזיקער טאָג זאָל אַייך זיין פאַר אַ געדעכעניש, און איר זאָלט אים פייערן אַ פייערטאָג צו גאָט; אויף אַייערע דור־דורות, ווי אַן אייביק געזעץ, זאָלט איר אים פייערן. 15 זיבן טעג זאָלט איר עסן מצות; באַלד ביים ערשטן טאָג זאָלט איר אָפּטאָן זויערטייג פון אַייערע הייזער, וואָרום איטלעכער וואָס עסט חמץ פון ערשטן טאָג ביזן

א זע פסוק 27.

טז הַשְּׁבִעִי: וּבַיּוֹם הָרִאשׁוֹן מִקְרָא־קֹדֶשׁ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי
מִקְרָא־קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם כָּל־מְלָאכָה לֹא־יֵעָשֶׂה בָהֶם
אַךְ אֲשֶׁר יֵאָכֵל לְכָל־נֶפֶשׁ הוּא לְבַדּוֹ יֵעָשֶׂה לָכֶם:
יז וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־הַמַּצּוֹת כִּי בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה הוֹצֵאתִי אֶת־
צִבְאוֹתֵיכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־הַיּוֹם הַזֶּה
יח לְדֹרֹתֵיכֶם חֻקַּת עוֹלָם: בָּרִאשֹׁן בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ
בָּעֶרֶב תֹּאכְלוּ מַצֹּת עַד יוֹם הָאֶחָד וְעֶשְׂרִים לַחֹדֶשׁ
יט בָּעָרֶב: שִׁבְעַת יָמִים שְׂאֹר לֹא יִמָּצֵא בְּבָתֵּיכֶם כִּי ׀ כָּל־
אֹכֵל מַחְמֶצֶת וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מֵעֲדַת יִשְׂרָאֵל בַּגֵּר
כ וּבְאֶזְרַח הָאָרֶץ: כָּל־מַחְמֶצֶת לֹא תֹאכֵלוּ בְּכֹל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם
תֹּאכְלוּ מַצּוֹת: פ
חמ׳ וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְכָל־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מִשְׁכוּ וּקְחוּ
כב לָכֶם צֹאן לְמִשְׁפְּחֹתֵיכֶם וְשַׁחֲטוּ הַפָּסַח: וּלְקַחְתֶּם אֲגֻדַּת
אֵזוֹב וּטְבַלְתֶּם בַּדָּם אֲשֶׁר־בַּסַּף וְהִגַּעְתֶּם אֶל־הַמַּשְׁקוֹף
וְאֶל־שְׁתֵּי הַמְּזוּזֹת מִן־הַדָּם אֲשֶׁר בַּסָּף וְאַתֶּם לֹא תֵצְאוּ
כג אִישׁ מִפֶּתַח־בֵּיתוֹ עַד־בֹּקֶר: וְעָבַר יְהוָה לִנְגֹּף אֶת־מִצְרַיִם
וְרָאָה אֶת־הַדָּם עַל־הַמַּשְׁקוֹף וְעַל שְׁתֵּי הַמְּזוּזֹת וּפָסַח
יְהוָה עַל־הַפֶּתַח וְלֹא יִתֵּן הַמַּשְׁחִית לָבֹא אֶל־בָּתֵּיכֶם לִנְגֹּף:
כד וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה לְחָק־לְךָ וּלְבָנֶיךָ עַד־עוֹלָם:
כה וְהָיָה כִּי־תָבֹאוּ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר יִתֵּן יְהוָה לָכֶם כַּאֲשֶׁר
כו דִּבֵּר וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־הָעֲבֹדָה הַזֹּאת: וְהָיָה כִּי־יֹאמְרוּ
כז אֲלֵיכֶם בְּנֵיכֶם מָה הָעֲבֹדָה הַזֹּאת לָכֶם: וַאֲמַרְתֶּם זֶבַח־
פֶּסַח הוּא לַיהוָה אֲשֶׁר פָּסַח עַל־בָּתֵּי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם
בְּנָגְפּוֹ אֶת־מִצְרַיִם וְאֶת־בָּתֵּינוּ הִצִּיל וַיִּקֹּד הָעָם וַיִּשְׁתַּחֲווּ:
כח וַיֵּלְכוּ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה
ששי וְאַהֲרֹן כֵּן עָשׂוּ: ס וַיְהִי ׀ בַּחֲצִי הַלַּיְלָה וַיהוָה הִכָּה כָל־בְּכוֹר
בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבְּכֹר פַּרְעֹה הַיֹּשֵׁב עַל־כִּסְאוֹ עַד בְּכוֹר

כז׳ הפ׳ דגושה

זיבעטן טאָג, יענע זעל זאָל פאַרשניטן ווערן פון ישראל. 16 און אין ערשטן טאָג זאָל זיין אַ הייליקע צונויפרופונג, און אין זיבעטן טאָג זאָל זיין אַ הייליקע צונויפרופונג ביי אײַך; קיין אַרבעט זאָל אין זיי ניט געטאָן ווערן, נאָר וואָס דאַרף געגעסן ווערן פון איטלעכן מענטשן, דאָס אַליין מעג צוגעגרייט ווערן ביי אײַך. 17 און איר זאָלט אָפּהיטן די מצות; וואָרום אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג האָב איך אַרויסגעצויגן אײַערע מחנות פון לאַנד מִצרַיִם. און איר זאָלט היטן דעמדאָזיקן טאָג אויף אײַערע דור־דורות ווי אַן אייביק געזעץ. 18 אין ערשטן חודש, פון פערצנטן טאָג אין חודש אין אָוונט, זאָלט איר עסן מצות, ביזן איין און צוואַנציקסטן טאָג אין חודש אין אָוונט. 19 זיבן טעג זאָל זיך ניט געפינען זויערטייג אין אײַערע הייזער, וואָרום איטלעכער וואָס עסט חמץ, יענע זעל זאָל פאַרשניטן ווערן פון דער עדה פון ישראל, סיי אַ פרעמדער, און סיי אַן אײַנגעבאָרענער פון לאַנד. 20 קיין חמץ זאָלט איר ניט עסן; אין אַלע אײַערע וווינערטער זאָלט איר עסן מצות.

21 און משה האָט גערופן אַלע עלטסטע פון ישׂראל, און האָט צו זיי געזאָגט: ציט אַרויס און נעמט אײַך שאָף לויט אײַערע משפחות, און שעכט דעם קָרבן־פֶּסַח. 22 און איר זאָלט נעמען אַ בינטל אֵזוב־גראָז און אײַנטונקען אין דעם בלוט וואָס אין בעקן, און איר זאָלט צורירן צו דעם אויבערשטידל און צו די ביידע בײַשטידלעך פון דעם בלוט וואָס אין בעקן, און איר זאָלט קיינער ניט אַרויסגיין פון דעם אײַנגאַנג פון זיין הויז ביז אין דער פרי. 23 און אַז גאָט וועט דורכגיין צו שלאָגן מִצרַיִם, וועט ער זען דאָס בלוט אויפן אויבערשטידל און אויף די ביידע בײַשטידלעך, און גאָט וועט איבערהיפּן איבערן אײַנגאַנג, און ער וועט ניט לאָזן דעם אומברענגער אַרײַנקומען אין אײַער הויז צו שלאָגן. 24 און איר זאָלט אָפּהיטן דידאָזיקע זאַך ווי אַ געזעץ פאַר דיר און פאַר דײַנע קינדער אויף אייביק. 25 און עס וועט זיין, אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד וואָס גאָט וועט אײַך געבן, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט, זאָלט איר אָפּהיטן דעמדאָזיקן דינסט. 26 און עס וועט זיין, אַז אײַערע קינדער וועלן אײַך פרעגן: וואָס איז ביי אײַך דערדאָזיקער דינסט? 27 זאָלט איר זאָגן: אַ קָרבן־פֶּסַח איז דאָס צו גאָט, ווײַל ער האָט איבערגעהיפּט[א] איבער די הייזער פון די קינדער פון ישׂראל אין מִצרַיִם, ווען ער האָט געשלאָגן מִצרַיִם, און אונדזערע הייזער האָט ער מציל געווען. האָט דאָס פאָלק זיך גענייגט און זיך געבוקט. 28 און די קינדער פון ישׂראל זיינען געגאַנגען און האָבן געטאָן; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן און אַהרנען, אַזוי האָבן זיי געטאָן.

29 און עס איז געווען אין האַלבע נאַכט, אַזוי האָט גאָט געשלאָגן יעטוועדער בכוֹר אין לאַנד מִצרַיִם, פון דעם בכוֹר

[א] פֶּסַח.

ל הַשְּׁבִי אֲשֶׁר בְּבֵית הַבּוֹר וְכֹל בְּכוֹר בְּהֵמָה׃ וַיָּקָם פַּרְעֹה
לַיְלָה הוּא וְכָל־עֲבָדָיו וְכָל־מִצְרַיִם וַתְּהִי צְעָקָה גְדֹלָה
לא בְּמִצְרָיִם כִּי־אֵין בַּיִת אֲשֶׁר אֵין־שָׁם מֵת׃ וַיִּקְרָא לְמֹשֶׁה
וּלְאַהֲרֹן לַיְלָה וַיֹּאמֶר קוּמוּ צְּאוּ מִתּוֹךְ עַמִּי גַּם־אַתֶּם גַּם־
לב בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּלְכוּ עִבְדוּ אֶת־יְהוָה כְּדַבֶּרְכֶם׃ גַּם־צֹאנְכֶם
גַּם־בְּקַרְכֶם קְחוּ כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתֶּם וָלֵכוּ וּבֵרַכְתֶּם גַּם־אֹתִי׃
לג וַתֶּחֱזַק מִצְרַיִם עַל־הָעָם לְמַהֵר לְשַׁלְּחָם מִן־הָאָרֶץ כִּי
לד אָמְרוּ כֻּלָּנוּ מֵתִים׃ וַיִּשָּׂא הָעָם אֶת־בְּצֵקוֹ טֶרֶם יֶחְמָץ
לה מִשְׁאֲרֹתָם צְרֻרֹת בְּשִׂמְלֹתָם עַל־שִׁכְמָם׃ וּבְנֵי־יִשְׂרָאֵל
עָשׂוּ כִּדְבַר מֹשֶׁה וַיִּשְׁאֲלוּ מִמִּצְרַיִם כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב
לו וּשְׂמָלֹת׃ וַיהוָה נָתַן אֶת־חֵן הָעָם בְּעֵינֵי מִצְרַיִם וַיַּשְׁאִלוּם
וַיְנַצְּלוּ אֶת־מִצְרָיִם׃ פ
לז וַיִּסְעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵרַעְמְסֵס סֻכֹּתָה כְּשֵׁשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף
לח רַגְלִי הַגְּבָרִים לְבַד מִטָּף׃ וְגַם־עֵרֶב רַב עָלָה אִתָּם וְצֹאן
לט וּבָקָר מִקְנֶה כָּבֵד מְאֹד׃ וַיֹּאפוּ אֶת־הַבָּצֵק אֲשֶׁר הוֹצִיאוּ
מִמִּצְרַיִם עֻגֹת מַצּוֹת כִּי לֹא חָמֵץ כִּי־גֹרְשׁוּ מִמִּצְרַיִם וְלֹא
מ יָכְלוּ לְהִתְמַהְמֵהַּ וְגַם־צֵדָה לֹא־עָשׂוּ לָהֶם׃ וּמוֹשַׁב בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יָשְׁבוּ בְּמִצְרָיִם שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת
מא שָׁנָה׃ וַיְהִי מִקֵּץ שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה וַיְהִי
בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה יָצְאוּ כָּל־צִבְאוֹת יְהוָה מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃
מב לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַיהוָה לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם הוּא־
הַלַּיְלָה הַזֶּה לַיהוָה שִׁמֻּרִים לְכָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדֹרֹתָם׃ פ
מג וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן זֹאת חֻקַּת הַפָּסַח כָּל־בֶּן־
מד נֵכָר לֹא־יֹאכַל בּוֹ׃ וְכָל־עֶבֶד אִישׁ מִקְנַת־כָּסֶף וּמַלְתָּה
מה מו אֹתוֹ אָז יֹאכַל בּוֹ׃ תּוֹשָׁב וְשָׂכִיר לֹא־יֹאכַל בּוֹ׃ בְּבַיִת אֶחָד
יֵאָכֵל לֹא־תוֹצִיא מִן־הַבַּיִת מִן־הַבָּשָׂר חוּצָה וְעֶצֶם לֹא
מז מח תִשְׁבְּרוּ־בוֹ׃ כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל יַעֲשׂוּ אֹתוֹ׃ וְכִי־יָגוּר אִתְּךָ

לא׳ צ׳ דגושה לט׳ ה׳ רפה

פון פּרעהן וואָס האָט געזאָלט זיצן אויף זיין טראָן, ביז דעם בכור פון געפאַנגענעם וואָס אין תּפיסה; און יעט־ווערער בכור פון אַ בהמה.

30 איז פּרעה אויפגעשטאַנען ביי דער נאַכט, ער און אַלע זיינע קנעכט, און גאַנץ מִצרַיִם, און עס איז געוואָרן אַ גרויס געשריי אין מִצרַיִם, וואָרום עס איז ניט געווען אַ הויז וואָס דאָרטן זאָל ניט זיין אַ טויטער. 31 און ער האָט גערופן משהן און אַהרנען ביי דער נאַכט, און האָט געזאָגט: שטייט אויף, גייט אַרויס פון צווישן מיין פאָלק, אי איר, אי די קינדער פון ישראל, און גייט דינט יהוה, אַזוי ווי איר האָט געזאָגט. 32 נעמט אי אייערע שאָף, אי אייערע רינ־דער, אַזוי ווי איר האָט געזאָגט, און גייט; און בענטשט מיך אויך.

33 און די מִצרים זיינען צוגעשטאַנען צו דעם פאָלק, זיי אַרויסצושיקן וואָס גיכער פון לאַנד, וואָרום זיי האָבן געזאָגט: מיר וועלן אַלע אויסשטאַרבן. 34 און דאָס פאָלק האָט גענומען זייער טייג איידער ער איז געזייערט געוואָרן; זייערע טייגמולטערס זיינען געווען איינגעבונדן אין זייערע טיכער אויף זייערע אַקסלען.

35 און די קינדער פון ישראל האָבן געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון משהן, און זיי האָבן אַנטליען פון די מִצרים זילבערנע זאַכן און גילדערנע זאַכן, און קליידער. 36 וואָרום גאָט האָט געגעבן דעם פאָלק חן אין די אויגן פון די מִצרים, און זיי האָבן זיי געליען; און זיי האָבן אויס־געליידיקט מִצרַיִם.

37 און די קינדער פון ישראל האָבן אַרויסגעצויגן פון רַעְמסֵס קיין סוכּות, אַרום זעקס הונדערט טויזנט פוסגייער, מענער, אַחוץ קינדער. 38 און אויך אַ סך געמישט פאָלק איז אַרויסגעגאַנגען מיט זיי; און שאָף און רינדער זייער אַ גרויסע סטאַדע. 39 און זיי האָבן געבאַקן פון דעם טייג וואָס זיי האָבן אַרויסגעטראָגן פון מִצרַיִם, קוכנס מצה, וואָרום ער איז ניט געזייערט געוואָרן, ווייל זיי זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון מִצרַיִם, און האָבן זיך ניט געקענט אויפהאַלטן, און אַפילו צערונג האָבן זיי זיך ניט צוגעגרייט.

40 און דאָס זיצן פון די קינדער פון ישראל, וואָס זיי זיינען געזעסן אין מִצרַיִם, איז געווען פיר הונדערט יאָר און דרייסיק יאָר. 41 און עס איז געווען צום סוֹף פון פיר הונדערט יאָר און דרייסיק יאָר, איז, גענוי אין דעמדאָזיקן טאָג, זיינען אַלע מחנות פון גאָט אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מִצרַיִם. 42 אַ וואַכנאַכט איז דאָס געווען ביי גאָט זיי אַרויסצוציִען פון לאַנד מִצרַיִם; איז דידאָזיקע אייגענע נאַכט אַ וואַכנאַכט צו גאָט ביי אַלע קינדער פון ישראל אויף זייערע דור־דורות.

43 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן און אַהרנען: דאָס איז דער דין פון דעם קָרבּן־פֶּסח: קיין פרעמד־געבאָרענער טאָר פון אים ניט עסן. 44 און ווי נאָר עמיצנס אַ קנעכט געקויפט פאַר געלט, אַז דו האָסט אים געמַלט, דענסמאָל מעג ער פון אים עסן. 45 אַן איינגעוואַנדערטער און אַ געדונגענער טאָר פון אים ניט עסן. 46 אין איין הויז זאָל ער געגעסן ווערן; זאָלסט ניט אַרויסטראָגן פון דעם פלייש אויסן הויז; און אַ ביין זאָלט איר ניט צעברעכן אין אים. 47 די גאַנצע עדה פון ישראל זאָל אים מאַכן. 48 און אַז ביי דיר וועט זיך אויפהאַלטן

גֵּר וְעָשָׂה פֶסַח לַיהוָה הִמּוֹל לוֹ כָל־זָכָר וְאָז יִקְרַב
מט לַעֲשֹׂתוֹ וְהָיָה כְּאֶזְרַח הָאָרֶץ וְכָל־עָרֵל לֹא־יֹאכַל בּוֹ׃ תּוֹרָה
נ אַחַת יִהְיֶה לָאֶזְרָח וְלַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכְכֶם׃ וַיַּעֲשׂוּ כָּל־בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן כֵּן עָשׂוּ׃
נא ס וַיְהִי בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה הוֹצִיא יְהוָה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם עַל־צִבְאֹתָם׃ פ

יג

שבי׳ ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ קַדֶּשׁ־לִי כָל־בְּכוֹר פֶּטֶר
ג כָּל־רֶחֶם בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה לִי הוּא׃ וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה אֶל־הָעָם זָכוֹר אֶת־הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִמִּצְרַיִם
מִבֵּית עֲבָדִים כִּי בְּחֹזֶק יָד הוֹצִיא יְהוָה אֶתְכֶם מִזֶּה וְלֹא
ד ה יֵאָכֵל חָמֵץ׃ הַיּוֹם אַתֶּם יֹצְאִים בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב׃ וְהָיָה
כִי־יְבִיאֲךָ יְהוָה אֶל־אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהָאֱמֹרִי וְהַחִוִּי
וְהַיְבוּסִי אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ לָתֶת לָךְ אֶרֶץ זָבַת חָלָב
ו וּדְבָשׁ וְעָבַדְתָּ אֶת־הָעֲבֹדָה הַזֹּאת בַּחֹדֶשׁ הַזֶּה׃ שִׁבְעַת
ז יָמִים תֹּאכַל מַצֹּת וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי חַג לַיהוָה׃ מַצּוֹת
יֵאָכֵל אֵת שִׁבְעַת הַיָּמִים וְלֹא־יֵרָאֶה לְךָ חָמֵץ וְלֹא־יֵרָאֶה
ח לְךָ שְׂאֹר בְּכָל־גְּבֻלֶךָ׃ וְהִגַּדְתָּ לְבִנְךָ בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר
ט בַּעֲבוּר זֶה עָשָׂה יְהוָה לִי בְּצֵאתִי מִמִּצְרָיִם׃ וְהָיָה לְךָ
לְאוֹת עַל־יָדְךָ וּלְזִכָּרוֹן בֵּין עֵינֶיךָ לְמַעַן תִּהְיֶה תּוֹרַת יְהוָה
י בְּפִיךָ כִּי בְּיָד חֲזָקָה הוֹצִאֲךָ יְהוָה מִמִּצְרָיִם׃ וְשָׁמַרְתָּ
אֶת־הַחֻקָּה הַזֹּאת לְמוֹעֲדָהּ מִיָּמִים יָמִימָה׃ פ
יא וְהָיָה כִּי־יְבִאֲךָ יְהוָה אֶל־אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע לְךָ
יב וְלַאֲבֹתֶיךָ וּנְתָנָהּ לָךְ׃ וְהַעֲבַרְתָּ כָל־פֶּטֶר־רֶחֶם לַיהוָה
וְכָל־פֶּטֶר ׀ שֶׁגֶר בְּהֵמָה אֲשֶׁר יִהְיֶה לְךָ הַזְּכָרִים לַיהוָה׃
יג וְכָל־פֶּטֶר חֲמֹר תִּפְדֶּה בְשֶׂה וְאִם־לֹא תִפְדֶּה וַעֲרַפְתּוֹ וְכֹל
מפ׳ בְּכוֹר אָדָם בְּבָנֶיךָ תִּפְדֶּה׃ וְהָיָה כִּי־יִשְׁאָלְךָ בִנְךָ מָחָר
לֵאמֹר מַה־זֹּאת וְאָמַרְתָּ אֵלָיו בְּחֹזֶק יָד הוֹצִיאָנוּ יְהוָה

אַ פרעמדער, און ער וועט וועלן מאַכן אַ קרבן־פּסח צו גאָט, זאָל ביי אים געמלט ווערן יעטוועדער מאַנספּאַרשוין, און דענסמאָל קען ער גענענען אים צו מאַכן; און ער זאָל זיין אַזוי ווי אַן איינגעבאָרענער פון לאַנד; אָבער קיין אומבאַשניטענער טאָר פון אים ניט עסן. 49 איין געזעץ זאָל זיין פאַר דעם איינגעבאָרענעם, און פאַר דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף צווישן אייך.

50 און אַלע קינדער פון ישראל האָבן דאָס געטאָן; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן און אהרנען, אַזוי האָבן זיי געטאָן.

51 און עס איז געווען אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג, האָט גאָט אַרויסגעצויגן די קינדער פון ישראל, פון לאַנד מצרים, לויט זייערע מחנות.

יג 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 הייליק צו מיר יעטוועדער בכור; איטלעכס וואָס עפנט דעם טראַכט צווישן די קינדער פון ישראל, פון אַ מענטשן אָדער פון אַ בהמה, זאָל געהערן צו מיר.

3 און משה האָט געזאָגט צו דעם פאָלק: געדענקט דעמדאָזיקן טאָג וואָס איר זייט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט; וואָרום מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט אייך גאָט אַרויסגעצויגן פון דאַנען; דרום זאָל ניט געגעסן ווערן חמץ. 4 היינט גייט איר אַרויס, אין חודש אָביב. 5 איז, אַז גאָט וועט דיך ברענגען אין לאַנד פון דעם כנעני, און דעם חתי, און דעם אמורי, און דעם חוי, און דעם יבוסי, וואָס ער האָט געשוואָרן דיינע עלטערן, דיר צו געבן, אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, זאָלסטו טאָן דעמדאָזיקן דינסט אין דעמדאָזיקן חודש. 6 זיבן טעג זאָלסטו עסן מצות און אויפן זיבעטן טאָג זאָל זיין אַ יום־טוב צו גאָט. 7 מצות זאָל געגעסן ווערן אין די זיבן טעג, און עס זאָל ניט געזען ווערן ביי דיר חמץ, און עס זאָל ניט געזען ווערן ביי דיר זויערטייג, אין דיין גאַנצן גבול. 8 און זאָלסט דערציילן דיין זון אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז פון וועגן דעם וואָס גאָט האָט מיר געטאָן ביי מיין אַרויסגיין פון מצרים. 9 און עס זאָל דיר זיין פאַר אַ צייכן אויף דיין האַנט, און פאַר אַ דערמאָנונג צווישן דיינע אויגן, כּדי די תורה פון גאָט זאָל זיין אין דיין מויל; וואָרום מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט דיך גאָט אַרויסגעצויגן פון מצרים. 10 און זאָלסט אָפּהיטן דאָסדאָזיקע געזעץ אין זיין געשטעלטער צייט, פון יאָר צו יאָר.

11 און עס וועט זיין, אַז גאָט וועט דיך ברענגען אין לאַנד פון דעם כנעני, אַזוי ווי ער האָט געשוואָרן דיר און דיינע עלטערן, און ער וועט עס דיר געבן, 12 זאָלסטו אָפּשיידן איטלעכס וואָס עפנט דעם טראַכט, צו גאָט; און איטלעך ערשטגעבאָרנס פון אַ בהמה וואָס דו וועסט האָבן, אויב זכרים, זאָל געהערן צו גאָט. 13 און יעטוועדער ערשטלינג פון אַן אייזל זאָלסטו אויסלייזן מיט אַ לאַם, און אויב דו וועסט ניט אויסלייזן, זאָלסטו אים אָפּהאַקן דאָס גניק. און יעטוועדער בכור פון מענטשן צווישן דיינע זין זאָלסטו אויסלייזן.

14 און עס וועט זיין, אַז דיין זון וועט דיך פרעגן שפּעטער אַהין, אַזוי צו זאָגן: וואָס איז דאָס? זאָלסטו זאָגן צו אים:

מִמִּצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים׃ וַיְהִי כִּי־הִקְשָׁה פַרְעֹה לְשַׁלְּחֵנוּ טו
וַיַּהֲרֹג יְהוָה כָּל־בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבְּכֹר אָדָם וְעַד־
בְּכוֹר בְּהֵמָה עַל־כֵּן אֲנִי זֹבֵחַ לַיהוָה כָּל־פֶּטֶר רֶחֶם
הַזְּכָרִים וְכָל־בְּכוֹר בָּנַי אֶפְדֶּה׃ וְהָיָה לְאוֹת עַל־יָדְכָה טז
וּלְטוֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ כִּי בְּחֹזֶק יָד הוֹצִיאָנוּ יְהוָה מִמִּצְרָיִם׃
ס

מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט אונדז גאָט אַרויסגעצויגן פון מִצרַיִם, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט. [15] און עס איז געווען, אַז פַּרעה האָט זיך אײַנגעשפּאַרט קעגן אונדז אַוועקלאָזן, האָט גאָט געהרגעט יעטוועדער בְּכוֹר אין לאַנד מִצרַיִם, פון אַ בְּכוֹר פון אַ מענטשן ביז אַ בְּכוֹר פון אַ בהמה; דרום שלאַכט איך צו גאָט איטלעכס וואָס עפנט דעם טראַכט, אויב זכָרים; און יעטוועדער בְּכוֹר פון מיינע זין לייז איך אויס. [16] און עס זאָל זיין פאַר אַ צייכן אויף דיין האַנט, און פאַר אַ שטערנבאַנד צווישן דיינע אויגן; וואָרום מיט אַ שטאַרקער האַנט האָט אונדז גאָט אַרויסגעצויגן פון מִצרַיִם.

# בְּשַׁלַּח

וַיְהִי בְּשַׁלַּח פַּרְעֹה אֶת־הָעָם וְלֹא־נָחָם אֱלֹהִים דֶּרֶךְ אֶרֶץ יז
פְּלִשְׁתִּים כִּי קָרוֹב הוּא כִּי ׀ אָמַר אֱלֹהִים פֶּן־יִנָּחֵם הָעָם
בִּרְאֹתָם מִלְחָמָה וְשָׁבוּ מִצְרָיְמָה׃ וַיַּסֵּב אֱלֹהִים ׀ אֶת־הָעָם יח
דֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר יַם־סוּף וַחֲמֻשִׁים עָלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ
מִצְרָיִם׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף עִמּוֹ כִּי הַשְׁבֵּעַ יט
הִשְׁבִּיעַ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר פָּקֹד יִפְקֹד אֱלֹהִים אֶתְכֶם
וְהַעֲלִיתֶם אֶת־עַצְמֹתַי מִזֶּה אִתְּכֶם׃ וַיִּסְעוּ מִסֻּכֹּת וַיַּחֲנוּ כ
בְאֵתָם בִּקְצֵה הַמִּדְבָּר׃ וַיהוָה הֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם יוֹמָם בְּעַמּוּד כא
עָנָן לַנְחֹתָם הַדֶּרֶךְ וְלַיְלָה בְּעַמּוּד אֵשׁ לְהָאִיר לָהֶם
לָלֶכֶת יוֹמָם וָלָיְלָה׃ לֹא־יָמִישׁ עַמּוּד הֶעָנָן יוֹמָם וְעַמּוּד כב
הָאֵשׁ לָיְלָה לִפְנֵי הָעָם׃ פ

יד

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיָשֻׁבוּ א ב
וְיַחֲנוּ לִפְנֵי פִּי הַחִירֹת בֵּין מִגְדֹּל וּבֵין הַיָּם לִפְנֵי בַּעַל
צְפֹן נִכְחוֹ תַחֲנוּ עַל־הַיָּם׃ וְאָמַר פַּרְעֹה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל ג
נְבֻכִים הֵם בָּאָרֶץ סָגַר עֲלֵיהֶם הַמִּדְבָּר׃ וְחִזַּקְתִּי אֶת־לֵב־ ד
פַּרְעֹה וְרָדַף אַחֲרֵיהֶם וְאִכָּבְדָה בְּפַרְעֹה וּבְכָל־חֵילוֹ וְיָדְעוּ
מִצְרַיִם כִּי־אֲנִי יְהוָה וַיַּעֲשׂוּ־כֵן׃ וַיֻּגַּד לְמֶלֶךְ מִצְרַיִם כִּי ה
בָרַח הָעָם וַיֵּהָפֵךְ לְבַב פַּרְעֹה וַעֲבָדָיו אֶל־הָעָם וַיֹּאמְרוּ
מַה־זֹּאת עָשִׂינוּ כִּי־שִׁלַּחְנוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל מֵעָבְדֵנוּ׃ וַיֶּאְסֹר ו
אֶת־רִכְבּוֹ וְאֶת־עַמּוֹ לָקַח עִמּוֹ׃ וַיִּקַּח שֵׁשׁ־מֵאוֹת רֶכֶב ז

יג, יח׳ השי רפה

[17] און עס איז געווען, אַז פַּרעה האָט אַוועקגעלאָזן דאָס פאָלק, האָט זיי גאָט ניט געפירט אויף דעם וועג פון דעם לאַנד פון די פלשתים, הגם ער איז געווען נאָנט; וואָרום גאָט האָט געזאָגט: דאָס פאָלק וועט נאָך חרטה האָבן, אַז זיי וועלן דערזען מלחמה, און זיי וועלן זיך אומקערן קיין מִצרַיִם. [18] און גאָט האָט געפירט דאָס פאָלק אַרום, אויפן וועג פון מדברביים ים־סוף. און די קינדער פון ישׂראל זיינען באַוואָפנטע אַרויפגעגאַנגען פון לאַנד מִצרַיִם.

[19] און משה האָט מיטגענומען מיט זיך די ביינער פון יוספן; וואָרום באַשווערן האָט ער באַשוואָרן די קינדער פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: דערמאָנען וועט זיך גאָט דער־מאָנען אָן אַייך; זאָלט איר אויפברענגען מיינע ביינער פון דאַנען מיט אַייך.

[20] און זיי האָבן געצויגן פון סוכּות, און האָבן גערוט אין אֵתָם ביים עק מדבר. [21] און גאָט איז געגאַנגען זיי פאַרויס, ביי טאָג אין אַ זייל פון וואָלקן, זיי צו פירן אויפן וועג, און ביי נאַכט אין אַ זייל פון פייער, זיי צו לייכטן; כּדי צו קענען גיין ביי טאָג און ביי נאַכט. [22] דער זייל פון וואָלקן פלעגט זיך ניט אָפּטאָן ביי טאָג, און דער זייל פון פייער ביי נאַכט, פון פאַרן פאָלק.

יד [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] רעד צו די קינדער פון ישׂראל, זיי זאָלן זיך אומ־קערן, און רוען פאַר פּי־הַחירות, צווישן מִגדול און צווישן ים, פאַר בַּעל־צפון; אַקעגן אים זאָלט איר רוען ביים ים. [3] און פַּרעה וועט זאָגן אויף די קינדער פון ישׂראל: זיי זיינען צעטומלט אין לאַנד, דער מדבר האָט זיי אַיינגעשלאָסן. [4] און איך וועל פעסט מאַכן פַּרעהס האַרץ, און ער וועט זיי נאָכיאָגן; און איך וועל געערלעכט ווערן דורך פַּרעהן, און דורך זיין גאַנצן חיל, און די מִצרים וועלן וויסן, אַז איך בין יהוה.—און זיי האָבן אַזוי געטאָן.

[5] איז אָנגעזאָגט געוואָרן דעם מלך פון מִצרַיִם, אַז דאָס פאָלק איז אַנטלאָפן, און דאָס האַרץ פון פַּרעהן און פון זיינע קנעכט איז פאַרקערט געוואָרן אַקעגן דעם פאָלק, און זיי האָבן געזאָגט: וואָס האָבן מיר דאָ געטאָן, וואָס מיר האָבן אַוועקגעלאָזן ישׂראל פון אונדז צו דינען?

[6] האָט ער אַיינגעשפּאַנט זיין רייטוואָגן, און האָט גענומען מיט זיך זיין פאָלק. [7] און ער האָט מיטגענומען זעקס

הונדערט געקליבענע רייטוועגן, און אַלע רייטוועגן פון מִצְרַיִם, און עלצטע איבער זיי אַלע. [8] און גאָט האָט פעסט געמאַכט דאָס האַרץ פון פַּרעה דעם מלך פון מִצְרַיִם, און ער האָט נאָכגעיאָגט די קינדער פון ישׂראל; און די קינדער פון ישׂראל זיינען אַרויסגעגאַנגען מיט אַ הויכער האַנט. [9] און די מִצרים האָבן זיי נאָכגעיאָגט, אַלע פערד, די רייטוועגן פון פַּרעהן, און זיינע רייטער, און זיין חיל, און זיי האָבן זיי אָנגעיאָגט ווי זיי האָבן גערוט ביים ים, ביי פּי־הַחירות, פאַר בַּעַל־צפון. [10] און ווי פַּרעה האָט זיך דערנענטערט, אַזוי האָבן די קינדער פון ישׂראל אויפגעהויבן זייערע אויגן, ערשט די מִצרים ציען הינטער זיי, און זיי האָבן זייער מורא געהאַט; און די קינדער פון ישׂראל האָבן געשריען צו גאָט. [11] און זיי האָבן געזאָגט צו משהן: צי ווייל קיין קברים זיינען ניטאָ אין מִצרַיִם, האָסטו אונדז אַרויסגענומען צו שטאַרבן אין דער מדבר? וואָס האָסטו דאָ געטאָן צו אונדז, אונדז אַרויסצוציען פון מִצרַיִם? [12] איז דאָס ניט דאָס וואָרט וואָס מיר האָבן גע־רעדט צו דיר אין מִצרַיִם, אַזוי צו זאָגן: „טו זיך אָפּ פון אונדז, און לאָמיר דינען מִצרַיִם"? וואָרום בעסער פאַר אונדז צו דינען מִצרַיִם, איידער מיר זאָלן שטאַרבן אין דער מדבר. [13] האָט משה געזאָגט צום פאָלק: איר זאָלט ניט מורא האָבן; שטייט און זעט די ישועה פון גאָט וואָס ער וועט אייך היינט טאָן; וואָרום ווי איר זעט היינט די מִצרים, וועט איר זיי אויף אייביק מער ווידער ניט אָנזען. [14] גאָט וועט מלחמה האַלטן פאַר אייך, און איר וועט שטיין שטיל.

[15] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: וואָס שרייסטו צו מיר? רעד צו די קינדער פון ישׂראל, זיי זאָלן ציען. [16] און דו הייב אויף דיין שטעקן, און שטרעק אויס דיין האַנט אויפן ים, און שפּאַלט אים, און די קינדער פון ישׂראל וועלן אַריין אין מיטן ים אויף טריקעניש. [17] און איך, זע, איך מאַך פעסט דאָס האַרץ פון די מִצרים, און זיי וועלן אַריין נאָך זיי; און איך וועל געערלעכט ווערן דורך פַּרעהן, און דורך זיין גאַנצן חיל, דורך זיינע רייטוועגן, און דורך זיינע רייטער. [18] און די מִצרים וועלן וויסן אַז איך בין יהוה, ווען איך וועל ווער געערלעכט דורך פַּרעהן, דורך זיינע רייט־וועגן, און דורך זיינע רייטער.

[19] און דער מלאך פון גאָט וואָס איז געגאַנגען פאַר דער מחנה פון ישׂראל, האָט אַוועקגעצויגן און איז געגאַנגען פון הינטער זיי; און דער וואָלקנזייל האָט אַוועקגעצויגן פון פאַר זיי, און האָט זיך געשטעלט הינטער זיי; [20] און ער איז גע־קומען צווישן דער מחנה פון מִצרַיִם, און צווישן דער מחנה פון ישׂראל; און דאָרטן איז געווען דער וואָלקן און די פינצטערניש, און דאָ האָט ער באַלויכטן די נאַכט; און איינע האָט ניט גענענט צו דער אַנדערער די גאַנצע נאַכט. [21] און משה האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויפן ים, און גאָט האָט געטריבן דעם ים מיט אַ שטאַרקן מזרח־ווינט אַ גאַנצע נאַכט, און געמאַכט דעם ים פאַר אַ טריקעניש, און די וואַסערן האָבן זיך צעשפּאָלטן. [22] און די קינדער פון ישׂראל זיינען

ח בָּחוּר וְכֹל רֶכֶב מִצְרָיִם וְשָׁלִשִׁם עַל־כֻּלּוֹ׃ וַיְחַזֵּק יְהוָה
אֶת־לֵב פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרַיִם וַיִּרְדֹּף אַחֲרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּבְנֵי
שני יִשְׂרָאֵל יֹצְאִים בְּיָד רָמָה׃ וַיִּרְדְּפוּ מִצְרַיִם אַחֲרֵיהֶם וַיַּשִּׂיגוּ
אוֹתָם חֹנִים עַל־הַיָּם כָּל־סוּס רֶכֶב פַּרְעֹה וּפָרָשָׁיו וְחֵילוֹ
י עַל־פִּי הַחִירֹת לִפְנֵי בַּעַל צְפֹן׃ וּפַרְעֹה הִקְרִיב וַיִּשְׂאוּ
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־עֵינֵיהֶם וְהִנֵּה מִצְרַיִם ׀ נֹסֵעַ אַחֲרֵיהֶם
יא וַיִּירְאוּ מְאֹד וַיִּצְעֲקוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־
מֹשֶׁה הֲמִבְּלִי אֵין־קְבָרִים בְּמִצְרַיִם לְקַחְתָּנוּ לָמוּת בַּמִּדְבָּר
יב מַה־זֹּאת עָשִׂיתָ לָּנוּ לְהוֹצִיאָנוּ מִמִּצְרָיִם׃ הֲלֹא־זֶה הַדָּבָר
אֲשֶׁר דִּבַּרְנוּ אֵלֶיךָ בְמִצְרַיִם לֵאמֹר חֲדַל מִמֶּנּוּ וְנַעַבְדָה
אֶת־מִצְרָיִם כִּי טוֹב לָנוּ עֲבֹד אֶת־מִצְרַיִם מִמֻּתֵנוּ בַּמִּדְבָּר׃
יג וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־הָעָם אַל־תִּירָאוּ הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת־
יְשׁוּעַת יְהוָה אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה לָכֶם הַיּוֹם כִּי אֲשֶׁר רְאִיתֶם אֶת־
יד מִצְרַיִם הַיּוֹם לֹא תֹסִפוּ לִרְאֹתָם עוֹד עַד־עוֹלָם׃ יְהוָה
יִלָּחֵם לָכֶם וְאַתֶּם תַּחֲרִשׁוּן׃ פ
של׳ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה מַה־תִּצְעַק אֵלָי דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי־
טו יִשְׂרָאֵל וְיִסָּעוּ׃ וְאַתָּה הָרֵם אֶת־מַטְּךָ וּנְטֵה אֶת־יָדְךָ עַל־
הַיָּם וּבְקָעֵהוּ וְיָבֹאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּתוֹךְ הַיָּם בַּיַּבָּשָׁה׃
יז וַאֲנִי הִנְנִי מְחַזֵּק אֶת־לֵב מִצְרַיִם וְיָבֹאוּ אַחֲרֵיהֶם וְאִכָּבְדָה
יח בְּפַרְעֹה וּבְכָל־חֵילוֹ בְּרִכְבּוֹ וּבְפָרָשָׁיו׃ וְיָדְעוּ מִצְרַיִם
יט כִּי־אֲנִי יְהוָה בְּהִכָּבְדִי בְּפַרְעֹה בְּרִכְבּוֹ וּבְפָרָשָׁיו׃ וַיִּסַּע
מַלְאַךְ הָאֱלֹהִים הַהֹלֵךְ לִפְנֵי מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל וַיֵּלֶךְ מֵאַחֲרֵיהֶם
כ וַיִּסַּע עַמּוּד הֶעָנָן מִפְּנֵיהֶם וַיַּעֲמֹד מֵאַחֲרֵיהֶם׃ וַיָּבֹא בֵּין ׀
מַחֲנֵה מִצְרַיִם וּבֵין מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל וַיְהִי הֶעָנָן וְהַחֹשֶׁךְ וַיָּאֶר
כא אֶת־הַלָּיְלָה וְלֹא־קָרַב זֶה אֶל־זֶה כָּל־הַלָּיְלָה׃ וַיֵּט מֹשֶׁה
אֶת־יָדוֹ עַל־הַיָּם וַיּוֹלֶךְ יְהוָה ׀ אֶת־הַיָּם בְּרוּחַ קָדִים עַזָּה
כב כָּל־הַלַּיְלָה וַיָּשֶׂם אֶת־הַיָּם לֶחָרָבָה וַיִּבָּקְעוּ הַמָּיִם׃ וַיָּבֹאוּ

יג׳ סבירין כאשר

בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּתוֹךְ הַיָּם בַּיַּבָּשָׁה וְהַמַּיִם לָהֶם חוֹמָה מִימִינָם
כג וּמִשְּׂמֹאלָם׃ וַיִּרְדְּפוּ מִצְרַיִם וַיָּבֹאוּ אַחֲרֵיהֶם כֹּל סוּס
כד פַּרְעֹה רִכְבּוֹ וּפָרָשָׁיו אֶל־תּוֹךְ הַיָּם׃ וַיְהִי בְּאַשְׁמֹרֶת הַבֹּקֶר
וַיַּשְׁקֵף יְהוָה אֶל־מַחֲנֵה מִצְרַיִם בְּעַמּוּד אֵשׁ וְעָנָן וַיָּהָם אֵת
כה מַחֲנֵה מִצְרָיִם׃ וַיָּסַר אֵת אֹפַן מַרְכְּבֹתָיו וַיְנַהֲגֵהוּ בִּכְבֵדֻת
וַיֹּאמֶר מִצְרַיִם אָנוּסָה מִפְּנֵי יִשְׂרָאֵל כִּי יְהוָה נִלְחָם לָהֶם
בְּמִצְרָיִם׃ פ
רב' וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה נְטֵה אֶת־יָדְךָ עַל־הַיָּם וְיָשֻׁבוּ הַמַּיִם
כז עַל־מִצְרַיִם עַל־רִכְבּוֹ וְעַל־פָּרָשָׁיו׃ וַיֵּט מֹשֶׁה אֶת־יָדוֹ
עַל־הַיָּם וַיָּשָׁב הַיָּם לִפְנוֹת בֹּקֶר לְאֵיתָנוֹ וּמִצְרַיִם נָסִים
כח לִקְרָאתוֹ וַיְנַעֵר יְהוָה אֶת־מִצְרַיִם בְּתוֹךְ הַיָּם׃ וַיָּשֻׁבוּ
הַמַּיִם וַיְכַסּוּ אֶת־הָרֶכֶב וְאֶת־הַפָּרָשִׁים לְכֹל חֵיל פַּרְעֹה
כט הַבָּאִים אַחֲרֵיהֶם בַּיָּם לֹא־נִשְׁאַר בָּהֶם עַד־אֶחָד׃ וּבְנֵי
יִשְׂרָאֵל הָלְכוּ בַיַּבָּשָׁה בְּתוֹךְ הַיָּם וְהַמַּיִם לָהֶם חֹמָה מִימִינָם
ל וּמִשְּׂמֹאלָם׃ וַיּוֹשַׁע יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־יִשְׂרָאֵל מִיַּד
לא מִצְרָיִם וַיַּרְא יִשְׂרָאֵל אֶת־מִצְרַיִם מֵת עַל־שְׂפַת הַיָּם׃ וַיַּרְא
יִשְׂרָאֵל אֶת־הַיָּד הַגְּדֹלָה אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה בְּמִצְרַיִם וַיִּירְאוּ
הָעָם אֶת־יְהוָה וַיַּאֲמִינוּ בַּיהוָה וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ׃ פ

טו

א אָז יָשִׁיר־מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשִּׁירָה הַזֹּאת לַיהוָה וַיֹּאמְרוּ
לֵאמֹר אָשִׁירָה לַיהוָה כִּי־גָאֹה גָּאָה סוּס
ב וְרֹכְבוֹ רָמָה בַיָּם׃ עָזִּי וְזִמְרָת יָהּ וַיְהִי־לִי
לִישׁוּעָה זֶה אֵלִי וְאַנְוֵהוּ אֱלֹהֵי
ג אָבִי וַאֲרֹמְמֶנְהוּ׃ יְהוָה אִישׁ מִלְחָמָה יְהוָה
ד שְׁמוֹ׃ מַרְכְּבֹת פַּרְעֹה וְחֵילוֹ יָרָה בַיָּם וּמִבְחַר
ה שָׁלִשָׁיו טֻבְּעוּ בְיַם־סוּף׃ תְּהֹמֹת יְכַסְיֻמוּ יָרְדוּ בִמְצוֹלֹת כְּמוֹ־
ו אָבֶן׃ יְמִינְךָ יְהוָה נֶאְדָּרִי בַּכֹּחַ יְמִינְךָ

יד, כח׳ בראש עמוד סימן ביה שמ״ו   טו, א׳ ב׳ דגושה

אַריינגעגאַנגען אין מיטן ים אויף טריקעניש; און די וואַסערן זיינען זיי געווען אַ מויער פון זייער רעכטער זייט און פון זייער לינקער. [23] און די מִצרים האָבן נאָכגעיאָגט, און אַלע פערד פון פַּרעהן, זיינע רייטוועגן, און זיינע רייטער, זיינען אַריין נאָך זיי אין מיטן ים. [24] און עס איז געווען אין דער פרימאָרגנוואַך, האָט גאָט אַראָפּגעקוקט אויף דער מחנה פון מִצרַיִם מיט אַ זייל פון פייער און וואָלקן, און ער האָט פאַרטומלט די מחנה פון מִצרַיִם. [25] און ער האָט אָפּגעטאָן די רעדער פון זייערע רייטוועגן, און זיי געמאַכט פאָרן מיט שווערקייט, און די מִצרים האָבן געזאָגט: לאָמיר אַנטלויפן פון ישׂראל, וואָרום יהוה האַלט מלחמה פאַר זיי מיט מִצרַיִם.

[26] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: שטרעק אויס דיין האַנט אויפן ים, און זאָלן די וואַסערן זיך אומקערן אויף די מִצרים, אויף זייערע רייטוועגן, און אויף זייערע רייטער. [27] האָט משה אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויפן ים, און דער ים האָט זיך אומגעקערט אַקעגן פרימאָרגן צו זיין שטאַרקייט, און די מִצרים זיינען אים אַנגעלאָפן אַנטקעגן; און גאָט האָט אַריינגעטרייסלט די מִצרים אין מיטן ים. [28] און די וואַסערן האָבן זיך אומגעקערט, און האָבן צוגעדעקט די רייטוועגן, און די רייטער—דעם גאַנצן חיל פון פַּרעהן, וואָס איז אַריין נאָך זיי אין ים; ניט גע־בליבן פון זיי צומאָל אַן איינציקער. [29] און די קינדער פון ישׂראל זיינען געגאַנגען אין מיטן ים אויף טריקעניש, און די וואַסערן זיינען זיי געווען אַ מויער פון זייער רעכ־טער זייט און פון זייער לינקער. [30] און גאָט האָט אין יענעם טאָג געהאָלפן ישׂראל פון דער האַנט פון מִצרַיִם, און ישׂראל האָט געזען די מִצרים טויט אויפן ברעג פון ים. [31] און ישׂראל האָט געזען די גרויסע שטאַרקייט וואָס גאָט האָט געטאָן אַקעגן מִצרַיִם, און דאָס פאָלק האָט מורא געהאַט פאַר גאָט, און זיי האָבן געגלויבט אין גאָט, און אין זיין קנעכט משהן.

**טו** [1] דענסמאָל טוט זינגען משה און די קינדער פון ישׂראל דאָסדאָזיקע געזאַנג צו גאָט, און זיי האָבן געזאָגט, אַזוי צו זאָגן:

איך וועל זינגען צו יהוה,
וואָרום ער איז הויך דערהייכט;
דעם פערד מיט זיין רייטער
האָט ער געשליידערט אין ים.

[2] מיין שטאַרקייט און געזאַנג איז יָה,
און ער איז מיר געווען אַ ישועה.
דאָס איז מיין גאָט,
און איך וועל אים באַשיינען;
דער גאָט פון מיין פאָטער,
און איך וועל אים דערהייבן.

[3] יהוה איז אַ קריגסמאַן,
יהוה איז זיין נאָמען.
[4] פַּרעהס רייטוועגן און זיין חיל
האָט ער געוואָרפן אין ים,
און זיינע געקליבענע עלצטע
זיינען אין ים־סוף דערטרונקען.
[5] די תְּהוֹמען טוען זיי צודעקן,
זיי האָבן ווי אַ שטיין אין די טיפענישן גענידערט.

[6] דיין רעכטע האַנט, גאָט,
דו פּראַכטיקער אין שטאַרקייט,

דיין רעכטע האַנט, גאָט,
טויט צעברעכן דעם פֿיינט.
7 און מיט דיין גרויס מאַכטיקייט
צעשטערסטו דיינע קעגנשטייער;
שיקסט אַרויס דיין גרימצאָרן,
פֿאַרצערט ער זיי ווי שטרוי.
8 און פֿון דעם הויך פֿון דיינע נאָזלעכער
האָבן זיך די וואַסערן געהויפֿנט;
אַזוי ווי אַ סטויג
זיינען די שטראָמען געשטאַנען;
די תּהומען האָבן געגליווערט
אין האַרצן פֿון ים.
9 דער פֿיינט האָט געזאָגט:
איך וועל יאָגן, איך וועל כאַפּן,
איך וועל אויסטיילן רויב,
מיין זעל וועט זיך אָנפֿילן מיט זיי;
איך וועל ציִען מיין שווערד,
אויסראָטן וועט זיי מיין האַנט.
10 האָסטו מיט דיין אָטעם אַ בלאָז געטאָן,
האָט דער ים זיי צוגעדעקט;
זיי זיינען אַיינגעזונקען ווי בליי
אין די מאַכטיקע וואַסערן.

11 ווער איז ווי דו, יהוה,
צווישן די מאַכטיקע?
ווער איז ווי דו,
פּראַכטיק אין הייליקייט,
פּאָרכטיק אין לויבונגען,
טוער פֿון וואונדער?

12 האָסט אויסגעשטרעקט דיין רעכטע האַנט,
האָט די ערד זיי אַיינגעשלונגען.
13 האָסט געפֿירט מיט דיין חסד
דאָס פֿאָלק וואָס דו האָסט אויסגעלייזט;
באַלייט מיט דיין שטאַרקייט
צו דיין הייליקער וווינונג.
14 פֿעלקער האָבן געהערט, האָבן זיי געציטערט,
אַן אַנגסט האָט באַנומען די וווינער פֿון פּלֶשֶׁת.
15 דערשראָקן האָבן זיך דענסמאָל די פֿירשטן פֿון אֱדום,
די פֿירער פֿון מואָב, זיי האָט אַ שוידער באַנומען,
צעגאַנגען געוואָרן זיינען אַלע וווינער פֿון כּנַעַן;
16 אַן אימה און אַ פּחד איז געפֿאַלן אויף זיי.
דורך דער גרויסקייט פֿון דיין אָרעם
זיינען זיי שטיל ווי אַ שטיין געוואָרן,
בעת דיין פֿאָלק איז אַריבער, גאָט,

ז יְהוָה תִּרְעַץ אוֹיֵב׃ וּבְרֹב גְּאוֹנְךָ תַּהֲרֹס
ח קָמֶיךָ תְּשַׁלַּח חֲרֹנְךָ יֹאכְלֵמוֹ כַּקַּשׁ׃ וּבְרוּחַ
אַפֶּיךָ נֶעֶרְמוּ מַיִם נִצְּבוּ כְמוֹ־נֵד
ט נֹזְלִים קָפְאוּ תְהֹמֹת בְּלֶב־יָם׃ אָמַר
אוֹיֵב אֶרְדֹּף אַשִּׂיג אֲחַלֵּק שָׁלָל תִּמְלָאֵמוֹ
י נַפְשִׁי אָרִיק חַרְבִּי תּוֹרִישֵׁמוֹ יָדִי׃ נָשַׁפְתָּ
בְרוּחֲךָ כִּסָּמוֹ יָם צָלְלוּ כַּעוֹפֶרֶת בְּמַיִם
יא אַדִּירִים׃ מִי־כָמֹכָה בָּאֵלִם יְהוָה מִי
כָּמֹכָה נֶאְדָּר בַּקֹּדֶשׁ נוֹרָא תְהִלֹּת עֹשֵׂה
יב פֶלֶא׃ נָטִיתָ יְמִינְךָ תִּבְלָעֵמוֹ אָרֶץ׃ נָחִיתָ
יג בְחַסְדְּךָ עַם־זוּ גָּאָלְתָּ נֵהַלְתָּ בְעָזְּךָ אֶל־נְוֵה
יד קָדְשֶׁךָ׃ שָׁמְעוּ עַמִּים יִרְגָּזוּן חִיל
טו אָחַז יֹשְׁבֵי פְּלָשֶׁת׃ אָז נִבְהֲלוּ אַלּוּפֵי
אֱדוֹם אֵילֵי מוֹאָב יֹאחֲזֵמוֹ רָעַד נָמֹגוּ
טז כֹּל יֹשְׁבֵי כְנָעַן׃ תִּפֹּל עֲלֵיהֶם אֵימָתָה
וָפַחַד בִּגְדֹל זְרוֹעֲךָ יִדְּמוּ כָּאָבֶן עַד־
יַעֲבֹר עַמְּךָ יְהוָה עַד־יַעֲבֹר עַם־זוּ
יז קָנִיתָ׃ תְּבִאֵמוֹ וְתִטָּעֵמוֹ בְּהַר נַחֲלָתְךָ מָכוֹן
לְשִׁבְתְּךָ פָּעַלְתָּ יְהוָה מִקְּדָשׁ אֲדֹנָי כּוֹנְנוּ
יח יָדֶיךָ׃ יְהוָה ׀ יִמְלֹךְ לְעֹלָם וָעֶד׃ כִּי
יט בָא סוּס פַּרְעֹה בְּרִכְבּוֹ וּבְפָרָשָׁיו בַּיָּם וַיָּשֶׁב יְהוָה עֲלֵהֶם
אֶת־מֵי הַיָּם וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל הָלְכוּ בַיַּבָּשָׁה בְּתוֹךְ הַיָּם׃ פ
כ וַתִּקַּח מִרְיָם הַנְּבִיאָה אֲחוֹת אַהֲרֹן אֶת־הַתֹּף בְּיָדָהּ וַתֵּצֶאןָ
כא כָל־הַנָּשִׁים אַחֲרֶיהָ בְּתֻפִּים וּבִמְחֹלֹת׃ וַתַּעַן לָהֶם מִרְיָם
שִׁירוּ לַיהוָה כִּי־גָאֹה גָּאָה סוּס וְרֹכְבוֹ רָמָה בַיָּם׃ ס
כב וַיַּסַּע מֹשֶׁה אֶת־יִשְׂרָאֵל מִיַּם־סוּף וַיֵּצְאוּ אֶל־מִדְבַּר־שׁוּר
כג וַיֵּלְכוּ שְׁלֹשֶׁת־יָמִים בַּמִּדְבָּר וְלֹא־מָצְאוּ מָיִם׃ וַיָּבֹאוּ

יא׳ כ׳ דגושה יג׳ ג׳ דגושה טז׳ כ׳ דגושה יז׳ ק דגושה כא׳ ג׳ דגושה

בעת אַריבער איז דאָס פֿאָלק וואָס דו האָסט אויס־
געקויפֿט.
17 וועסט זיי ברענגען און זיי פֿלאַנצן
אויף דעם באַרג פֿון דיין אַרב,
דעם אָרט וואָס דו האָסט געמאַכט
פֿאַר דיר, גאָט, צו וווינען,
דעם הייליקטום, גאָט,
וואָס דיינע הענט האָבן אויפֿגעשטעלט.

18 גאָט וועט קיניגן
אויף אייביק און שטענדיק.

19 וואָרום פּרעהס פֿערד מיט זיינע רייטוועגן און זיינע רייטער זיינען אַריין אין ים, און גאָט האָט אומגעקערט אויף זיי די וואַסערן פֿון ים, און די קינדער פֿון ישׂראל זיינען געגאַנגען אין מיטן ים אויף טריקעניש.
20 און מרים די נביאה, אַהרנס שוועסטער, האָט גענומען די פּויק אין איר האַנט, און אַלע ווייבער זיינען אַרויס־געגאַנגען נאָך איר מיט פּויקן און מיט טענץ. 21 און מרים האָט געזונגען פֿאַר זיי:

זינגט צו גאָט,
וואָרום ער איז הויך דערהייבט;
דעם פֿערד מיט זיין רייטער
האָט ער געשליידערט אין ים.

22 און משה האָט געמאַכט ציִען די ישׂראל פֿון ים־סוף, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צום מדבר שור; און זיי זיינען געגאַנגען דריי טעג אין דער מדבר, און האָבן ניט געפֿונען קיין וואַסער. 23 און זיי זיינען געקומען

מָרָתָה וְלֹא יָכְלוּ לִשְׁתֹּת מַיִם מִמָּרָה כִּי מָרִים הֵם עַל־
כד כֵּן קָרָא־שְׁמָהּ מָרָה׃ וַיִּלֹּנוּ הָעָם עַל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר מַה־
כה נִּשְׁתֶּה׃ וַיִּצְעַק אֶל־יְהוָה וַיּוֹרֵהוּ יְהוָה עֵץ וַיַּשְׁלֵךְ אֶל־
הַמַּיִם וַיִּמְתְּקוּ הַמָּיִם שָׁם שָׂם לוֹ חֹק וּמִשְׁפָּט וְשָׁם נִסָּהוּ׃
כו וַיֹּאמֶר אִם־שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע לְקוֹל ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְהַיָּשָׁר בְּעֵינָיו
תַּעֲשֶׂה וְהַאֲזַנְתָּ לְמִצְוֺתָיו וְשָׁמַרְתָּ כָּל־חֻקָּיו כָּל־הַמַּחֲלָה
אֲשֶׁר־שַׂמְתִּי בְמִצְרַיִם לֹא־אָשִׂים עָלֶיךָ כִּי אֲנִי יְהוָה
חמ׳ רֹפְאֶךָ׃ ס וַיָּבֹאוּ אֵילִמָה וְשָׁם שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה עֵינֹת מַיִם
וְשִׁבְעִים תְּמָרִים וַיַּחֲנוּ־שָׁם עַל־הַמָּיִם׃

טז

א וַיִּסְעוּ מֵאֵילִם וַיָּבֹאוּ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־מִדְבַּר־סִין
אֲשֶׁר בֵּין־אֵילִם וּבֵין סִינָי בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ
ב הַשֵּׁנִי לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיִּלּוֹנוּ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
ג עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן בַּמִּדְבָּר׃ וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
מִי־יִתֵּן מוּתֵנוּ בְיַד־יְהוָה בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּשִׁבְתֵּנוּ עַל־סִיר
הַבָּשָׂר בְּאָכְלֵנוּ לֶחֶם לָשֹׂבַע כִּי־הוֹצֵאתֶם אֹתָנוּ אֶל־
הַמִּדְבָּר הַזֶּה לְהָמִית אֶת־כָּל־הַקָּהָל הַזֶּה בָּרָעָב׃ ס
ד וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה הִנְנִי מַמְטִיר לָכֶם לֶחֶם מִן־הַשָּׁמָיִם
וְיָצָא הָעָם וְלָקְטוּ דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ לְמַעַן אֲנַסֶּנּוּ הֲיֵלֵךְ
ה בְּתוֹרָתִי אִם־לֹא׃ וְהָיָה בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי וְהֵכִינוּ אֵת אֲשֶׁר־
ו יָבִיאוּ וְהָיָה מִשְׁנֶה עַל אֲשֶׁר־יִלְקְטוּ יוֹם ׀ יוֹם׃ וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל־כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עֶרֶב וִידַעְתֶּם כִּי יְהוָה
ז הוֹצִיא אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וּבֹקֶר וּרְאִיתֶם אֶת־כְּבוֹד
יְהוָה בְּשָׁמְעוֹ אֶת־תְּלֻנֹּתֵיכֶם עַל־יְהוָה וְנַחְנוּ מָה כִּי תַלִּונוּ
ח עָלֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה בְּתֵת יְהוָה לָכֶם בָּעֶרֶב בָּשָׂר לֶאֱכֹל
וְלֶחֶם בַּבֹּקֶר לִשְׂבֹּעַ בִּשְׁמֹעַ יְהוָה אֶת־תְּלֻנֹּתֵיכֶם אֲשֶׁר־
אַתֶּם מַלִּינִם עָלָיו וְנַחְנוּ מָה לֹא־עָלֵינוּ תְלֻנֹּתֵיכֶם כִּי עַל־

טז,ב׳ וילונו ק׳ ז׳ תלינו ק׳

קיין מָרָה; אָבער זיי האָבן ניט געקענט טרינקען דאָס וואַסער פון מָרָה, ווייל עס איז געווען ביטער. דרום האָט מען גערופן איר נאָמען מָרָה[א]. 24 און דאָס פאָלק האָט געמורמלט אַקעגן משהן, אַזוי צו זאָגן: וואָס זאָלן מיר טרינקען? 25 האָט ער געשריען צו גאָט, און גאָט האָט אים אָנגעוויזן אַ בוים, און ער האָט אים אַריינגעוואָרפן אין וואַסער, און דאָס וואַסער איז געוואָרן זיס. דאָרטן האָט ער זיי געמאַכט חוקים און געזעצן, און דאָרטן האָט ער זיי געפּרוווט. 26 און ער האָט געזאָגט: אויב צוהערן וועסטו צוהערן צו דעם קָול פון יהוה דיין גאָט, און וועסט טאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין זיינע אויגן, און וועסט האָרכן צו זיינע געבאָט, און היטן אַלע זיינע חוקים, וועל איך אַלדי קראַנקשאַפט וואָס איך האָב אַרויפגעטאָן אויף מִצרַיִם, ניט אַרויפטאָן אויף דיר; וואָרום איך יהוה בין דיין פאַרהיטער.

27 און זיי זיינען געקומען קיין אֵילִם; און דאָרטן זיינען געווען צוועלף קוואַלן וואַסער, און זיבעציק טייטל־ביימער; און זיי האָבן דאָרטן גערוט ביים וואַסער.

טז 1 און זיי האָבן אַוועקגעצויגן פון אֵילִם, און די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישׂראל איז אָנגעקומען אין מדבר סין וואָס צווישן אֵילִם און צווישן סינַי, אין פופצנטן טאָג פון צווייטן חודש נאָך זייער אַרויסגיין פון לאַנד מִצרַיִם.

2 און די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישׂראל האָט געמורמלט אַקעגן משהן און אַקעגן אַהרנען אין מדבר; 3 און די קינדער פון ישׂראל האָבן צו זיי געזאָגט: הלוואַי וואָלטן מיר געשטאָרבן דורך דער האַנט פון גאָט אין לאַנד מִצרַיִם ווען מיר זיינען געזעסן איבערן פלייש, ווען מיר האָבן געגעסן ברויט צו זאַט; וואָרום איר האָט אונדז אַרויסגעבראַכט אין דעמדאָזיקן מדבר, צו טייטן דידאָזיקע גאַנצע אייזאַמלונג דורך הונגער.

4 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: זע, איך מאַך אייך רעגענען ברויט פון הימל, און דאָס פאָלק וועט אַרויסגיין און קלייבן איטלעכן טאָג די באַדערפעניש פון טאָג, כדי איך זאָל אים פּרוּוון אויב ער וועט גיין אין מיין תּורה אָדער ניט. 5 און עס וועט זיין, אויפן זעקסטן טאָג, אַז זיי וועלן אָפּמעסטן וואָס זיי וועלן אַהיימברענגען, וועט עס זיין צוויי מאָל אַזוי פיל ווי זיי קלייבן אויף טאָגטעגלעך.

6 און משה און אַהרן האָבן געזאָגט צו אַלע קינדער פון ישׂראל: אין אָוונט וועט איר וויסן, אַז גאָט האָט אייך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם; 7 און אין דער פרי וועט איר זען די פּראַכט פון גאָט; וואָרום ער האָט צוגעהערט אייערע מורמלערייען אַקעגן גאָט. און וואָס זיינען מיר, וואָס איר מורמלט אַקעגן אונדז? 8 און משה האָט געזאָגט: [דאָס וועט געשען] ווען גאָט וועט אייך געבן אין אָוונט פלייש צום עסן, און אין דער פרי ברויט צו זאַט; וואָרום גאָט האָט געהערט אייערע מורמלערייען וואָס איר מורמלט אַקעגן אים; און וואָס זיינען מיר? ניט אַקעגן אונדז זיינען אייערע מורמלערייען,

[א] ביטער.

נייערט אַקעגן גאָט. 9 און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען: זאָג צו דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישראל: גענענט פאַר גאָט, וואָרום ער האָט צוגעהערט אייערע מורמלערייען.

10 און עס איז געווען, ווי אַהרן האָט גערעדט צו דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישראל, האָבן זיי זיך אומגעקוקט צום מדבר, ערשט די פּראַכט פון גאָט האָט זיך באַוויזן אין וואָלקן. 11 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 12 איך האָב געהערט די מורמלערייען פון די קינדער פון ישראל. רעד צו זיי אַזוי צו זאָגן: קעגן אָוונט וועט איר עסן פליש, און אין דער פרי וועט איר זיך זעטן מיט ברויט, און איר וועט וויסן, אַז איך בין יהוה אייער גאָט.

13 און עס איז געווען אין אָוונט, זיינען אַרויפגעקומען וואַכטלפויגלען און האָבן באַדעקט דעם לאַגער; און אין דער פרי איז געווען אַ שיכט טוי רונד אַרום לאַגער. 14 און אַז די שיכט טוי האָט זיך אויפגעהויבן, ערשט אויפן געזיכט פון מדבר איז דינס, שופּיקס, דין אַזוי ווי פראָסט אויף דער ערד. 15 און ווי די קינדער פון ישראל האָבן דאָס געזען, אַזוי האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: מן הוא?[א] ווייל זיי האָבן ניט געוווּסט וואָס דאָס איז. האָט משה צו זיי געזאָגט: דאָס איז דאָס ברויט, וואָס גאָט האָט אייך געגעבן צום עסן.

16 דאָס איז די זאַך, וואָס גאָט האָט באַפוילן: קלייבט דערפון איטלעכער לויט זיין עסן; אַן עומר אויף אַ קאָפּ, לויט דער צאָל פון אייערע נפשות, איטלעכער פאַר די וואָס אין זיין געצעלט זאָלט איר נעמען.

17 און די קינדער פון ישראל האָבן אַזוי געטאָן, און זיי האָבן געקליבן ווער פיל און ווער ווייניק. 18 און אַז זיי האָבן געמאָסטן מיט אַן עומר, האָט דער וואָס האָט געקליבן פיל ניט געהאַט איבעריק, און דעם וואָס האָט געקליבן ווייניק האָט ניט געפעלט; איטלעכער וועדליק זיין עסן האָבן זיי אויפגעקליבן.

19 און משה האָט צו זיי געזאָגט: קיינער זאָל דערפון ניט איבערלאָזן ביז אין דער פרי. 20 אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו משהן, און לייט האָבן איבערגעלאָזט דערפון ביז אין דער פרי, און עס איז געוואָרן ווערימדיק, און האָט געשטונקען; און משה האָט געצערנט אויף זיי. 21 און זיי האָבן עס געקליבן פרימאָרגן אין פרימאָרגן, איטלעכער וועדליק זיין עסן; און ווי די זון איז הייס געוואָרן, אַזוי איז עס צעגאַנגען. 22 און עס איז געווען אויפן זעקסטן טאָג, האָבן זיי געקליבן צוויי מאָל אַזוי פיל ברויט, צוויי עומרס פאַר איטלעכן; און אַלע פירשטן פון דער עדה זיינען געקומען, און האָבן דערציילט משהן.

23 האָט ער צו זיי געזאָגט: דאָס איז וואָס גאָט האָט גערעדט: אַ רואונג, אַ הייליקער שבת איז מאָרגן צו גאָט; וואָס איר ווילט באַקן באַקט, און וואָס איר ווילט קאָכן קאָכט, און אַלץ וואָס בלייבט איבער, לייגט אייך אַוועק צו האַלטן ביז אין דער פרי. 24 האָבן זיי עס אַוועקגעלייגט ביז אין דער פרי, אַזוי ווי משה האָט באַפוילן, און עס האָט ניט געשטונקען, און קיין ווערים זיינען דערין ניט געווען. 25 און משה האָט געזאָגט:

[א] וואָס איז דאָס?

ט יהוה: ויאמר משה אל־אהרן אמר אל־כל־עדת בני
י ישראל קרבו לפני יהוה כי שמע את תלנתיכם: ויהי
כדבר אהרן אל־כל־עדת בני־ישראל ויפנו אל־המדבר
והנה כבוד יהוה נראה בענן: פ
ששי וידבר יהוה אל־משה לאמר: שמעתי את־תלונת בני
יב ישראל דבר אלהם לאמר בין הערבים תאכלו בשר
ובבקר תשבעו־לחם וידעתם כי אני יהוה אלהיכם:
יג ויהי בערב ותעל השלו ותכס את־המחנה ובבקר היתה
יד שכבת הטל סביב למחנה: ותעל שכבת הטל והנה
על־פני המדבר דק מחספס דק ככפר על־הארץ:
טו ויראו בני־ישראל ויאמרו איש אל־אחיו מן הוא כי לא
ידעו מה־הוא ויאמר משה אלהם הוא הלחם אשר נתן
טז יהוה לכם לאכלה: זה הדבר אשר צוה יהוה לקטו
ממנו איש לפי אכלו עמר לגלגלת מספר נפשתיכם
יז איש לאשר באהלו תקחו: ויעשו־כן בני ישראל וילקטו
יח המרבה והממעיט: וימדו בעמר ולא העדיף המרבה
יט והממעיט לא החסיר איש לפי־אכלו לקטו: ויאמר
כ משה אלהם איש אל־יותר ממנו עד־בקר: ולא־שמעו
אל־משה ויותרו אנשים ממנו עד־בקר וירם תולעים
כא ויבאש ויקצף עלהם משה: וילקטו אתו בבקר בבקר איש
כב כפי אכלו וחם השמש ונמס: ויהי ׀ ביום הששי לקטו
לחם משנה שני העמר לאחד ויבאו כל־נשיאי העדה
כג ויגידו למשה: ויאמר אלהם הוא אשר דבר יהוה
שבתון שבת־קדש ליהוה מחר את אשר־תאפו אפו
ואת אשר־תבשלו בשלו ואת כל־העדף הניחו לכם
כד למשמרת עד־הבקר: ויניחו אתו עד־הבקר כאשר צוה
כה משה ולא הבאיש ורמה לא־היתה בו: ויאמר משה

יב׳ דגש אחר תיו  יג׳ השלו ק׳ קמץ בז״ק  כ׳ פתח באתנח

אִכְלֻהוּ הַיּוֹם כִּי־שַׁבָּת הַיּוֹם לַיהוָה הַיּוֹם לֹא תִמְצָאֻהוּ
בַּשָּׂדֶה׃ שֵׁשֶׁת יָמִים תִּלְקְטֻהוּ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לֹא כו
יִהְיֶה־בּוֹ׃ וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יָצְאוּ מִן־הָעָם לִלְקֹט וְלֹא כז
מָצָאוּ׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה עַד־אָנָה מֵאַנְתֶּם כח
לִשְׁמֹר מִצְוֺתַי וְתוֹרֹתָי׃ רְאוּ כִּי־יְהוָה נָתַן לָכֶם הַשַּׁבָּת כט
עַל־כֵּן הוּא נֹתֵן לָכֶם בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי לֶחֶם יוֹמָיִם שְׁבוּ ׀ אִישׁ
תַּחְתָּיו אַל־יֵצֵא אִישׁ מִמְּקֹמוֹ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי׃ וַיִּשְׁבְּתוּ הָעָם ל
בַּיּוֹם הַשְּׁבִעִי׃ וַיִּקְרְאוּ בֵית־יִשְׂרָאֵל אֶת־שְׁמוֹ מָן וְהוּא לא
כְּזֶרַע גַּד לָבָן וְטַעְמוֹ כְּצַפִּיחִת בִּדְבָשׁ׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה זֶה לב
הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה מְלֹא הָעֹמֶר מִמֶּנּוּ לְמִשְׁמֶרֶת
לְדֹרֹתֵיכֶם לְמַעַן ׀ יִרְאוּ אֶת־הַלֶּחֶם אֲשֶׁר הֶאֱכַלְתִּי אֶתְכֶם
בַּמִּדְבָּר בְּהוֹצִיאִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־ לג
אַהֲרֹן קַח צִנְצֶנֶת אַחַת וְתֶן־שָׁמָּה מְלֹא־הָעֹמֶר מָן וְהַנַּח
אֹתוֹ לִפְנֵי יְהוָה לְמִשְׁמֶרֶת לְדֹרֹתֵיכֶם׃ כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה לד
אֶל־מֹשֶׁה וַיַּנִּיחֵהוּ אַהֲרֹן לִפְנֵי הָעֵדֻת לְמִשְׁמָרֶת׃ וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל לה
אָכְלוּ אֶת־הַמָּן אַרְבָּעִים שָׁנָה עַד־בֹּאָם אֶל־אֶרֶץ נוֹשָׁבֶת
אֶת־הַמָּן אָכְלוּ עַד־בֹּאָם אֶל־קְצֵה אֶרֶץ כְּנָעַן׃ וְהָעֹמֶר לו
עֲשִׂרִית הָאֵיפָה הוּא׃ פ

## יז

וַיִּסְעוּ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מִמִּדְבַּר־סִין לְמַסְעֵיהֶם עַל־ שב׳
פִּי יְהוָה וַיַּחֲנוּ בִּרְפִידִים וְאֵין מַיִם לִשְׁתֹּת הָעָם׃ וַיָּרֶב ב
הָעָם עִם־מֹשֶׁה וַיֹּאמְרוּ תְּנוּ־לָנוּ מַיִם וְנִשְׁתֶּה וַיֹּאמֶר לָהֶם
מֹשֶׁה מַה־תְּרִיבוּן עִמָּדִי מַה־תְּנַסּוּן אֶת־יְהוָה׃ וַיִּצְמָא שָׁם ג
הָעָם לַמַּיִם וַיָּלֶן הָעָם עַל־מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר לָמָּה זֶּה הֶעֱלִיתָנוּ
מִמִּצְרַיִם לְהָמִית אֹתִי וְאֶת־בָּנַי וְאֶת־מִקְנַי בַּצָּמָא׃ וַיִּצְעַק ד
מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה לֵאמֹר מָה אֶעֱשֶׂה לָעָם הַזֶּה עוֹד מְעַט
וּסְקָלֻנִי׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה עֲבֹר לִפְנֵי הָעָם וְקַח ה
אִתְּךָ מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל וּמַטְּךָ אֲשֶׁר הִכִּיתָ בּוֹ אֶת־הַיְאֹר קַח

עסט עס היינט, וואָרום היינט איז שבת צו גאָט, היינט וועט איר עס ניט געפינען אויפן פעלד. [26] זעקס טעג זאָלט איר עס קלייבן, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז שבת, דענסמאָל וועט עס ניט זיין.

[27] און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג, זיינען פון פאָלק אַרויסגעגאַנגען קלייבן, אָבער זיי האָבן ניט געפונען. [28] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: ביז וואַנען וועט איר ניט וועלן היטן מיינע געבאָט און מיינע לערנונגען? [29] זעט, אַז גאָט האָט אייך געגעבן דעם שבת, גיט ער אייך דערפאַר אין זעקסטן טאָג ברויט אויף צוויי טעג. זיצט איטלעכער ביי זיך; קיינער זאָל ניט אַרויסגיין פון זיין אָרט אין זיבעטן טאָג.

[30] און דאָס פאָלק האָט גערוט אין זיבעטן טאָג.

[31] און דאָס הויז פון ישראל האָט גערופן דעם נאָמען דערפון מַן; און עס איז געווען אַזוי ווי קאָריאַנדערזאָמען, ווייס; און דער טעם דערפון איז געווען אַזוי ווי אַ פלעצל אויף האָניק.

[32] און משה האָט געזאָגט: דאָס איז די זאַך וואָס גאָט האָט באַפוילן: אַן עומֶר־פול דערפון זאָל זיין פאַר אַ היטונג אויף אייערע דור־דורות, כדי זיי זאָלן זען דאָס ברויט וואָס איך האָב אייך געגעבן עסן אין דער מדבר, ווען איך האָב אייך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם.

[33] און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען: נעם אַ קרוג, און טו אַהין אַריין אַן עומֶר־פול מַן, און שטעל עס אַוועק פאַר גאָט, פאַר אַ היטונג אויף אייערע דור־דורות. [34] אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן, אַזוי האָט עס אַהרן אַוועקגעשטעלט פאַרן געזעץ, פאַר אַ היטונג.

[35] און די קינדער פון ישראל האָבן געגעסן דעם מַן פערציק יאָר, ביז זיי זיינען געקומען צו באַוווינטן לאַנד; זיי האָבן געגעסן דעם מַן ביז זיי זיינען געקומען צום ברעג פון לאַנד כּנַעַן. [36] און אַן עומֶר דאָס איז אַ צענטל אֵיפָה.

יז [1] און די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישראל האָט געצויגן פון מדבר סין אויף זייערע ציאונגען, לויט דעם מויל פון גאָט, און זיי האָבן גערוט אין רפידים; און עס איז ניט געווען קיין וואַסער פאַרן פאָלק צום טרינקען. [2] און דאָס פאָלק האָט זיך געקריגט מיט משהן, און זיי האָבן געזאָגט: גיט אונדז וואַסער, מיר זאָלן טרינקען. האָט משה צו זיי געזאָגט: וואָס קריגט איר זיך מיט מיר? וואָס פרווט איר גאָט?

[3] און דאָס פאָלק האָט דאָרטן געדאָרשט נאָך וואַסער, און דאָס פאָלק האָט געמורמלט אַקעגן משהן, און האָט געזאָגט: נאָך וואָס גאָר האָסטו אונדז אויפגעבראַכט פון מִצרַיִם, צו טייטן מיך און מיינע קינדער און מיינע פי דורך דאָרשט?

[4] האָט משה געשריען צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: וואָס זאָל איך טאָן צו דעמדאָזיקן פאָלק? נאָך אַ ביסל און זיי וועלן מיך פאַרשטיינען.

[5] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: גיי פאַרויס פאַרן פאָלק, און נעם מיט דיר פון די עלטסטע פון ישראל; און דיין

שטעקן, וואָס דו האָסט מיט אים געשלאָגן דעם טייך, נעם אין דיין האַנט, און זאָלסט גיין. 6 זע, איך וועל דאָרטן שטיין פאַר דיר אויפן פעלז אין חורֵב; און זאָלסט שלאָגן דעם פעלז, און עס וועט אַרויסגיין פון אים וואַסער, און דאָס פאָלק וועט טרינקען. און משה האָט אַזוי געטאָן פאַר די אויגן פון די עלטסטע פון ישׂראל.

7 און ער האָט גערופן דעם נאָמען פון דעם אָרט מַסָהא און מריבָהב, פון וועגן דעם קריגן זיך פון די קינדער פון ישׂראל, און פון וועגן זייער פרוּוון גאָט, אַזוי צו זאָגן: איז גאָט פאַראַן צווישן אונדז אָדער ניט?

8 און עַמָלֵק איז געקומען, און האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישׂראל אין רפידים. 9 האָט משה געזאָגט צו יהושוען: קלייב אונדז אויס מענער, און גיי אַרויס, האַלט מלחמה מיט עַמָלֵק. מאָרגן וועל איך זיך שטעלן אויפן שפּיץ באַרג, מיט דעם שטעקן פון גאָט אין מיין האַנט.

10 האָט יהושוּעַ געטאָן אַזוי ווי משה האָט אים אָנגעזאָגט–מלחמה צו האַלטן מיט עַמָלֵק. און משה, אַהרן, און חור זיינען אַרויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ באַרג. 11 און עס איז געווען, ווי משה האָט אויפגעהויבן זיין האַנט, אַזוי האָט גובר געווען ישׂראל, און ווי ער האָט אַראָפּגעלאָזט זיין האַנט, אַזוי האָט גובר געווען עַמָלֵק. 12 און משהס הענט זיינען געוואָרן שווער; האָבן זיי גענומען אַ שטיין און אַוועקגעלייגט אונטער אים, און ער האָט זיך דערויף געזעצט. און אַהרן און חור האָבן אונטערגעלענט זיינע הענט, איינער פון דער זייט, און איינער פון דער אַנדער זייט; און זיינע הענט זיינען געבליבן פעסט ביז זונאונטערגאַנג. 13 און יהושוּעַ האָט פאַרשלאַפט עַמָלֵק און זיין פאָלק מיטן שאַרף פון שווערד.

14 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: שרייב דאָס אויף פאַר אַ געדעכעניש אין אַ בוך, און טו עס אין די אויערן פון יהושוען, אַז אויסמעקן וועל איך אויסמעקן דעם זֵכר פון עַמָלֵק, פון אונטערן הימל.

15 און משה האָט געבויט אַ מזבח, און האָט גערופן זיין נאָמען יהוה־נִסיג. 16 און ער האָט געזאָגט:

פאַרוואָר, די האַנט אויפן טראָן פון יָה! מלחמה איז ביי יהוה מיט עַמָלֵק פון דָור צו דָור.

ו בְּיָדְךָ וְהָלָכְתָּ׃ הִנְנִי עֹמֵד לְפָנֶיךָ שָּׁם ׀ עַל־הַצּוּר בְּחֹרֵב
וְהִכִּיתָ בַצּוּר וְיָצְאוּ מִמֶּנּוּ מַיִם וְשָׁתָה הָעָם וַיַּעַשׂ כֵּן מֹשֶׁה
ז לְעֵינֵי זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּקְרָא שֵׁם הַמָּקוֹם מַסָּה וּמְרִיבָה
עַל־רִיב ׀ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְעַל נַסֹּתָם אֶת־יְהוָה לֵאמֹר הֲיֵשׁ
יְהוָה בְּקִרְבֵּנוּ אִם־אָיִן׃ פ
ח ט וַיָּבֹא עֲמָלֵק וַיִּלָּחֶם עִם־יִשְׂרָאֵל בִּרְפִידִם׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה
אֶל־יְהוֹשֻׁעַ בְּחַר־לָנוּ אֲנָשִׁים וְצֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק מָחָר
י אָנֹכִי נִצָּב עַל־רֹאשׁ הַגִּבְעָה וּמַטֵּה הָאֱלֹהִים בְּיָדִי׃ וַיַּעַשׂ
יְהוֹשֻׁעַ כַּאֲשֶׁר אָמַר־לוֹ מֹשֶׁה לְהִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק וּמֹשֶׁה
יא אַהֲרֹן וְחוּר עָלוּ רֹאשׁ הַגִּבְעָה׃ וְהָיָה כַּאֲשֶׁר יָרִים מֹשֶׁה
יב יָדוֹ וְגָבַר יִשְׂרָאֵל וְכַאֲשֶׁר יָנִיחַ יָדוֹ וְגָבַר עֲמָלֵק׃ וִידֵי
מֹשֶׁה כְּבֵדִים וַיִּקְחוּ־אֶבֶן וַיָּשִׂימוּ תַחְתָּיו וַיֵּשֶׁב עָלֶיהָ וְאַהֲרֹן
וְחוּר תָּמְכוּ בְיָדָיו מִזֶּה אֶחָד וּמִזֶּה אֶחָד וַיְהִי יָדָיו אֱמוּנָה
יג עַד־בֹּא הַשָּׁמֶשׁ׃ וַיַּחֲלֹשׁ יְהוֹשֻׁעַ אֶת־עֲמָלֵק וְאֶת־עַמּוֹ
לְפִי־חָרֶב׃ פ
יד וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה כְּתֹב זֹאת זִכָּרוֹן בַּסֵּפֶר וְשִׂים בְּאָזְנֵי
יְהוֹשֻׁעַ כִּי־מָחֹה אֶמְחֶה אֶת־זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם׃
טו טז וַיִּבֶן מֹשֶׁה מִזְבֵּחַ וַיִּקְרָא שְׁמוֹ יְהוָה ׀ נִסִּי׃ וַיֹּאמֶר כִּי־יָד עַל־
כֵּס יָהּ מִלְחָמָה לַיהוָה בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר׃ פ

# יִתְרוֹ.

יח

יח 1 און יִתרוֹ דער פּריסטער פון מִדיָן, משהס שווער, האָט געהערט אַלץ וואָס גאָט האָט געטאָן צו משהן, און צו זיין פאָלק ישׂראל, ווי גאָט האָט אַרויסגעצויגן ישׂראל פון מִצרַיִם. 2 האָט יִתרוֹ, משהס שווער, גענומען צִפּוֹרָה, משהס ווייב, נאָכדעם ווי ער האָט זי געהאַט אַוועקגעשיקט, 3 און אירע צוויי זין, וואָס דער נאָמען פון איינעם איז געווען גֵרשום, ווייל ער האָט געזאָגט: איך בין אַ פרעמדערד אין אַ פרעמדן לאַנד, 4 און דער נאָמען פון אַנדערן איז געווען אֱליעֶזֶרה, ווייל: „דער גאָט פון מיין פאָטער איז מיר געווען צו הילף, און ער האָט מיך מציל געווען פון פַּרעֹהס שווערד". 5 און יִתרוֹ, משהס שווער, איז געקומען מיט זיינע זין און זיין ווייב צו משהן אין דעם

א וַיִּשְׁמַע יִתְרוֹ כֹהֵן מִדְיָן חֹתֵן מֹשֶׁה אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה
אֱלֹהִים לְמֹשֶׁה וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ כִּי־הוֹצִיא יְהוָה אֶת־יִשְׂרָאֵל
ב מִמִּצְרָיִם׃ וַיִּקַּח יִתְרוֹ חֹתֵן מֹשֶׁה אֶת־צִפֹּרָה אֵשֶׁת מֹשֶׁה
ג אַחַר שִׁלּוּחֶיהָ׃ וְאֵת שְׁנֵי בָנֶיהָ אֲשֶׁר שֵׁם הָאֶחָד גֵּרְשֹׁם
ד כִּי אָמַר גֵּר הָיִיתִי בְּאֶרֶץ נָכְרִיָּה׃ וְשֵׁם הָאֶחָד אֱלִיעֶזֶר
ה כִּי־אֱלֹהֵי אָבִי בְּעֶזְרִי וַיַּצִּלֵנִי מֵחֶרֶב פַּרְעֹה׃ וַיָּבֹא יִתְרוֹ
חֹתֵן מֹשֶׁה וּבָנָיו וְאִשְׁתּוֹ אֶל־מֹשֶׁה אֶל־הַמִּדְבָּר אֲשֶׁר־הוּא

א פרוּוונג. ב קריג. ג יהוה איז מיין פאָן. ד גר. ה אֵל, גאָט; עֵזֶר, הילף.

חֹנֶה שָׁם הַר הָאֱלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר אֶל־מֹשֶׁה אֲנִי חֹתֶנְךָ ו
יִתְרוֹ בָּא אֵלֶיךָ וְאִשְׁתְּךָ וּשְׁנֵי בָנֶיהָ עִמָּהּ׃ וַיֵּצֵא מֹשֶׁה ז
לִקְרַאת חֹתְנוֹ וַיִּשְׁתַּחוּ וַיִּשַּׁק־לוֹ וַיִּשְׁאֲלוּ אִישׁ־לְרֵעֵהוּ
לְשָׁלוֹם וַיָּבֹאוּ הָאֹהֱלָה׃ וַיְסַפֵּר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ אֵת כָּל־ ח
אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה לְפַרְעֹה וּלְמִצְרַיִם עַל אוֹדֹת יִשְׂרָאֵל
אֵת כָּל־הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתַם בַּדֶּרֶךְ וַיַּצִּלֵם יְהוָה׃ וַיִּחַדְּ ט
יִתְרוֹ עַל כָּל־הַטּוֹבָה אֲשֶׁר־עָשָׂה יְהוָה לְיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
הִצִּילוֹ מִיַּד מִצְרָיִם׃ וַיֹּאמֶר יִתְרוֹ בָּרוּךְ יְהוָה אֲשֶׁר הִצִּיל י
אֶתְכֶם מִיַּד מִצְרַיִם וּמִיַּד פַּרְעֹה אֲשֶׁר הִצִּיל אֶת־הָעָם
מִתַּחַת יַד־מִצְרָיִם׃ עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי־גָדוֹל יְהוָה מִכָּל־ יא
הָאֱלֹהִים כִּי בַדָּבָר אֲשֶׁר זָדוּ עֲלֵיהֶם׃ וַיִּקַּח יִתְרוֹ חֹתֵן יב
מֹשֶׁה עֹלָה וּזְבָחִים לֵאלֹהִים וַיָּבֹא אַהֲרֹן וְכֹל ׀ זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל
לֶאֱכָל־לֶחֶם עִם־חֹתֵן מֹשֶׁה לִפְנֵי הָאֱלֹהִים׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת שני
וַיֵּשֶׁב מֹשֶׁה לִשְׁפֹּט אֶת־הָעָם וַיַּעֲמֹד הָעָם עַל־מֹשֶׁה מִן
הַבֹּקֶר עַד־הָעָרֶב׃ וַיַּרְא חֹתֵן מֹשֶׁה אֵת כָּל־אֲשֶׁר־הוּא יד
עֹשֶׂה לָעָם וַיֹּאמֶר מָה־הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר אַתָּה עֹשֶׂה לָעָם
מַדּוּעַ אַתָּה יוֹשֵׁב לְבַדֶּךָ וְכָל־הָעָם נִצָּב עָלֶיךָ מִן־בֹּקֶר
עַד־עָרֶב׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה לְחֹתְנוֹ כִּי־יָבֹא אֵלַי הָעָם לִדְרֹשׁ טו
אֱלֹהִים׃ כִּי־יִהְיֶה לָהֶם דָּבָר בָּא אֵלַי וְשָׁפַטְתִּי בֵּין אִישׁ טז
וּבֵין רֵעֵהוּ וְהוֹדַעְתִּי אֶת־חֻקֵּי הָאֱלֹהִים וְאֶת־תּוֹרֹתָיו׃
וַיֹּאמֶר חֹתֵן מֹשֶׁה אֵלָיו לֹא־טוֹב הַדָּבָר אֲשֶׁר אַתָּה עֹשֶׂה׃ יז
נָבֹל תִּבֹּל גַּם־אַתָּה גַּם־הָעָם הַזֶּה אֲשֶׁר עִמָּךְ כִּי־כָבֵד יח
מִמְּךָ הַדָּבָר לֹא־תוּכַל עֲשֹׂהוּ לְבַדֶּךָ׃ עַתָּה שְׁמַע בְּקֹלִי יט
אִיעָצְךָ וִיהִי אֱלֹהִים עִמָּךְ הֱיֵה אַתָּה לָעָם מוּל הָאֱלֹהִים
וְהֵבֵאתָ אַתָּה אֶת־הַדְּבָרִים אֶל־הָאֱלֹהִים׃ וְהִזְהַרְתָּה כ
אֶתְהֶם אֶת־הַחֻקִּים וְאֶת־הַתּוֹרֹת וְהוֹדַעְתָּ לָהֶם אֶת־הַדֶּרֶךְ
יֵלְכוּ בָהּ וְאֶת־הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר יַעֲשׂוּן׃ וְאַתָּה תֶחֱזֶה מִכָּל־ כא
הָעָם אַנְשֵׁי־חַיִל יִרְאֵי אֱלֹהִים אַנְשֵׁי אֱמֶת שֹׂנְאֵי בָצַע

מדבר וואָס ער האָט דאָרטן גערוט, ביים באַרג פון גאָט.
6 און ער האָט געלאָזט זאָגן משהן: איך דיין שווער יִתרו קום צו דיר, און דיין ווייב, און אירע צוויי זין מיט איר.

7 איז משה אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן זיין שווער, און ער האָט זיך געבוקט, און האָט אים געקושט, און זיי האָבן איינער דעם אַנדערן געפרעגט אויף פריד, און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין געצעלט. 8 און משה האָט דערציילט זיין שווער אַלץ וואָס גאָט האָט געטאָן צו פַּרעהן און צו מִצרַיִם פון וועגן ישׂראל, אַלדי מאַטערניש וואָס זיי האָט געטראָפן אויפן וועג, און ווי גאָט האָט זיי מציל געווען.

9 האָט זיך יִתרו געפרייט איבער אַלעם גוטן וואָס גאָט האָט געטאָן צו ישׂראל, וואָס ער האָט זיי מציל געווען פון דער האַנט פון מִצרַיִם. 10 און יִתרו האָט געזאָגט: געלויבט איז יהוה וואָס האָט אַייך מציל געווען פון דער האַנט פון מִצרַיִם, און פון דער האַנט פון פַּרעהן; וואָס ער האָט מציל געווען דאָס פאָלק פון אונטער דער האַנט פון מִצרַיִם. 11 אַצונד ווייס איך, אַז יהוה איז גרעסער פון אַלע געטער, וואָרום דערפאַר וואָס זיי האָבן געמוטוויליקט איז דאָס געקומען אויף זיי.

12 און יִתרו, משהס שווער, האָט געבראַכט אַ בראַנדאָפּפער און שלאַכטאָפּפער צו גאָט; און אַהרן און אַלע עלטסטע פון ישׂראל זיינען געקומען עסן ברויט מיט משהס שווער פאַר גאָט.

13 און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט זיך משה געזעצט משפטן דאָס פאָלק, און דאָס פאָלק איז געשטאַנען פאַר משהן פונעם פרימאָרגן ביזן אָוונט. 14 האָט משהס שווער צוגעזען אַלץ וואָס ער טוט מיט דעם פאָלק, און ער האָט געזאָגט: וואָס איז דידאָזיקע זאַך וואָס דו טוסט מיט דעם פאָלק? פאַרוואָס זיצסט דו אַליין, און דאָס גאַנצע פאָלק שטייט פאַר דיר פון פרימאָרגן ביז אָוונט?

15 האָט משה געזאָגט צו זיין שווער: ווייל דאָס פאָלק קומט צו מיר פרעגן ביי גאָט; 16 אַז זיי האָבן אַ זאַך, קומט זי פאַר מיר, און איך משפּט צווישן אַ מאַן און צווישן זיין חבר, און מאַך וויסן די געזעצן פון גאָט און זיינע לערנונגען.

17 האָט משהס שווער צו אים געזאָגט: ניט גוט איז די זאַך וואָס דו טוסט. 18 מיד וועסטו מיד ווערן, אי דו, אי דאָסדאָזיקע פאָלק וואָס מיט דיר, ווייל די זאַך איז צו שווער פאַר דיר; קענסט עס ניט טאָן אַליין. 19 אַצונד הער צו מיין קול; איך וועל דיר אַן עצה געבן, און גאָט וועט זיין מיט דיר: זיי דו דעם פאָלק פאַר גאָט, און דו זאָלסט ברענגען די זאַכן צו גאָט. 20 און זאָלסט זיי קלאָר מאַכן די געזעצן און די לערנונגען, און זיי מאַכן וויסן דעם וועג וואָס זיי זאָלן אין אים גיין, און די טואונג וואָס זיי זאָלן טאָן. 21 און דו זאָלסט זען פון גאַנצן פאָלק טויגלעכע מענטשן, גאָטספאָרכטיקע, אמתע מענטשן, וואָס האָבן פיינט גייציקייט,

וְשַׂמְתָּ עֲלֵהֶם שָׂרֵי אֲלָפִים שָׂרֵי מֵאוֹת שָׂרֵי חֲמִשִּׁים וְשָׂרֵי
כב עֲשָׂרֹת׃ וְשָׁפְטוּ אֶת־הָעָם בְּכָל־עֵת וְהָיָה כָּל־הַדָּבָר הַגָּדֹל
יָבִיאוּ אֵלֶיךָ וְכָל־הַדָּבָר הַקָּטֹן יִשְׁפְּטוּ־הֵם וְהָקֵל מֵעָלֶיךָ
כג וְנָשְׂאוּ אִתָּךְ׃ אִם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה תַּעֲשֶׂה וְצִוְּךָ אֱלֹהִים
וְיָכָלְתָּ עֲמֹד וְגַם כָּל־הָעָם הַזֶּה עַל־מְקֹמוֹ יָבֹא בְשָׁלוֹם׃
של׳ כד וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה לְקוֹל חֹתְנוֹ וַיַּעַשׂ כֹּל אֲשֶׁר אָמָר׃ וַיִּבְחַר
כה מֹשֶׁה אַנְשֵׁי־חַיִל מִכָּל־יִשְׂרָאֵל וַיִּתֵּן אֹתָם רָאשִׁים עַל־
הָעָם שָׂרֵי אֲלָפִים שָׂרֵי מֵאוֹת שָׂרֵי חֲמִשִּׁים וְשָׂרֵי עֲשָׂרֹת׃
כו וְשָׁפְטוּ אֶת־הָעָם בְּכָל־עֵת אֶת־הַדָּבָר הַקָּשֶׁה יְבִיאוּן אֶל־
כז מֹשֶׁה וְכָל־הַדָּבָר הַקָּטֹן יִשְׁפּוּטוּ הֵם׃ וַיְשַׁלַּח מֹשֶׁה אֶת־
חֹתְנוֹ וַיֵּלֶךְ לוֹ אֶל־אַרְצוֹ׃ פ

יט

רב׳ בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁלִישִׁי לְצֵאת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם בַּיּוֹם
ב הַזֶּה בָּאוּ מִדְבַּר סִינָי׃ וַיִּסְעוּ מֵרְפִידִים וַיָּבֹאוּ מִדְבַּר
ג סִינַי וַיַּחֲנוּ בַּמִּדְבָּר וַיִּחַן־שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר׃ וּמֹשֶׁה
עָלָה אֶל־הָאֱלֹהִים וַיִּקְרָא אֵלָיו יְהוָה מִן־הָהָר לֵאמֹר כֹּה
ד תֹאמַר לְבֵית יַעֲקֹב וְתַגֵּיד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ אַתֶּם רְאִיתֶם
אֲשֶׁר עָשִׂיתִי לְמִצְרָיִם וָאֶשָּׂא אֶתְכֶם עַל־כַּנְפֵי נְשָׁרִים
ה וָאָבִא אֶתְכֶם אֵלָי׃ וְעַתָּה אִם־שָׁמוֹעַ תִּשְׁמְעוּ בְּקֹלִי וּשְׁמַרְתֶּם
אֶת־בְּרִיתִי וִהְיִיתֶם לִי סְגֻלָּה מִכָּל־הָעַמִּים כִּי־לִי כָּל־
ו הָאָרֶץ׃ וְאַתֶּם תִּהְיוּ־לִי מַמְלֶכֶת כֹּהֲנִים וְגוֹי קָדוֹשׁ אֵלֶּה
חמ׳ הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תְּדַבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבֹא מֹשֶׁה וַיִּקְרָא
לְזִקְנֵי הָעָם וַיָּשֶׂם לִפְנֵיהֶם אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר
ח צִוָּהוּ יְהוָה׃ וַיַּעֲנוּ כָל־הָעָם יַחְדָּו וַיֹּאמְרוּ כֹּל אֲשֶׁר־דִּבֶּר
ט יְהוָה נַעֲשֶׂה וַיָּשֶׁב מֹשֶׁה אֶת־דִּבְרֵי הָעָם אֶל־יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה הִנֵּה אָנֹכִי בָּא אֵלֶיךָ בְּעַב הֶעָנָן בַּעֲבוּר
יִשְׁמַע הָעָם בְּדַבְּרִי עִמָּךְ וְגַם־בְּךָ יַאֲמִינוּ לְעוֹלָם וַיַּגֵּד

יח,כו׳ מלרע   יט,ה׳ מלעיל

און זאָלסט זיי מאַכן איבער זיי פאַר עלטסטע פון טויזנט, עלטסטע פון הונדערט, עלטסטע פון פופציק, און עלטסטע פון צען. 22 און זיי זאָלן משפטן דאָס פאָלק צו יעטווידער צייט; און עס וועט זיין, יעטווידער גרויסע זאַך וועלן זיי ברענגען צו דיר, און יעטווידער קליינע זאַך וועלן זיי אַליין משפטן, און זיי וועלן דיר פאַר־גרינגערן, און מיטטראָגן מיט דיר. 23 אויב דו וועסט טאָן דידאָזיקע זאַך, און גאָט וועט דיר אַזוי הייסן, וועסטו קענען באַשטיין, און אויך דאָסדאָזיקע גאַנצע פאָלק וועט גיין אַהיים אין שלום.

24 האָט משה צוגעהערט צו דעם קול פון זיין שווער, און ער האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט. 25 און משה האָט אויסגעקליבן טויגלעכע מענטשן פון גאַנץ ישראל, און האָט זיי געמאַכט פאַר הויפּטלייט איבערן פאָלק, פאַר עלטסטע פון טויזנט, עלטסטע פון הונדערט, עלטסטע פון פופציק, און עלטסטע פון צען. 26 און זיי האָבן געמשפּט דאָס פאָלק צו יעטווידער צייט; אַ שווערע זאַך האָבן זיי געבראַכט צו משהן, און יעטווידער קליינע זאַך האָבן זיי אַליין געמשפּט.

27 און משה האָט אַרויסבאַגלייט זיין שווער, און ער איז זיך אַוועקגעגאַנגען אין זיין לאַנד.

יט 1 אין דריטן חודש נאָכן אַרויסגיין פון די קינדער פון ישראל פון לאַנד מצרים, אין דעמדאָזיקן טאָג, זיינען זיי אָנגעקומען אין מדבר סיני. 2 און אַז זיי האָבן געצויגן פון רפידים, און זיינען געקומען אין מדבר סיני, האָבן זיי גערוט אין מדבר; און ישראל האָט דאָרטן גערוט אַקעגן באַרג.

3 און משה איז אַרויפגעגאַנגען צו גאָט, און גאָט האָט גערופן צו אים פון באַרג, אַזוי צו זאָגן: אַזוי זאָלסטו זאָגן צום הויז פון יעקב, און דערציילן די קינדער פון ישראל: 4 איר האָט געזען וואָס איך האָב געטאָן צו מצרים, און ווי איך האָב אייך געטראָגן אויף אָדלערפליגלען, און האָב אייך געבראַכט צו מיר. 5 און אַצונד, אויב צוהערן וועט איר צוהערן צו מיין קול, און איר וועט היטן מיין בונד, וועט איר זיין מיין באַזונדער אייגנס פון צווישן אַלע אומות; וואָרום צו מיר געהערט די גאַנצע ערד. 6 און איר וועט מיר זיין אַ קיניגרייך פון כהנים, און אַ הייליק פאָלק. דאָס זיינען די ווערטער וואָס דו זאָלסט רעדן צו די קינדער פון ישראל.

7 און משה איז געקומען און האָט צונויפגערופן די עלטסטע פון פאָלק, און ער האָט פאַר זיי געלייגט אַלע דידאָזיקע ווערטער וואָס גאָט האָט אים באַפוילן. 8 האָט געענטפערט דאָס גאַנצע פאָלק אין איינעם און געזאָגט: אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט, וועלן מיר טאָן. און משה האָט צוריקגעבראַכט די ווערטער פון פאָלק צו גאָט.

9 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זע, איך קום צו דיר אין אַ געדיכטן וואָלקן, כדי דאָס פאָלק זאָל הערן ווי איך רעד מיט דיר, און אויך אין דיר זאָלן זיי גלויבן אויף אייביק. און משה האָט דערציילט די ווערטער פון פאָלק צו גאָט.

מֹשֶׁה אֶת־דִּבְרֵי הָעָם אֶל־יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה י
לֵךְ אֶל־הָעָם וְקִדַּשְׁתָּם הַיּוֹם וּמָחָר וְכִבְּסוּ שִׂמְלֹתָם׃ וְהָיוּ יא
נְכֹנִים לַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי כִּי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁלִשִׁי יֵרֵד יְהוָה לְעֵינֵי
כָל־הָעָם עַל־הַר סִינָי׃ וְהִגְבַּלְתָּ אֶת־הָעָם סָבִיב לֵאמֹר יב
הִשָּׁמְרוּ לָכֶם עֲלוֹת בָּהָר וּנְגֹעַ בְּקָצֵהוּ כָּל־הַנֹּגֵעַ בָּהָר
מוֹת יוּמָת׃ לֹא־תִגַּע בּוֹ יָד כִּי־סָקוֹל יִסָּקֵל אוֹ־יָרֹה יִיָּרֶה יג
אִם־בְּהֵמָה אִם־אִישׁ לֹא יִחְיֶה בִּמְשֹׁךְ הַיֹּבֵל הֵמָּה יַעֲלוּ
בָהָר׃ וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן־הָהָר אֶל־הָעָם וַיְקַדֵּשׁ אֶת־הָעָם יד
וַיְכַבְּסוּ שִׂמְלֹתָם׃ וַיֹּאמֶר אֶל־הָעָם הֱיוּ נְכֹנִים לִשְׁלֹשֶׁת טו
יָמִים אַל־תִּגְּשׁוּ אֶל־אִשָּׁה׃ וַיְהִי בַיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי בִּהְיֹת טז
הַבֹּקֶר וַיְהִי קֹלֹת וּבְרָקִים וְעָנָן כָּבֵד עַל־הָהָר וְקֹל שֹׁפָר
חָזָק מְאֹד וַיֶּחֱרַד כָּל־הָעָם אֲשֶׁר בַּמַּחֲנֶה׃ וַיּוֹצֵא מֹשֶׁה יז
אֶת־הָעָם לִקְרַאת הָאֱלֹהִים מִן־הַמַּחֲנֶה וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית
הָהָר׃ וְהַר סִינַי עָשַׁן כֻּלּוֹ מִפְּנֵי אֲשֶׁר יָרַד עָלָיו יְהוָה יח
בָּאֵשׁ וַיַּעַל עֲשָׁנוֹ כְּעֶשֶׁן הַכִּבְשָׁן וַיֶּחֱרַד כָּל־הָהָר מְאֹד׃
וַיְהִי קוֹל הַשֹּׁפָר הוֹלֵךְ וְחָזֵק מְאֹד מֹשֶׁה יְדַבֵּר וְהָאֱלֹהִים יט
יַעֲנֶנּוּ בְקוֹל׃ וַיֵּרֶד יְהוָה עַל־הַר סִינַי אֶל־רֹאשׁ הָהָר ששי
וַיִּקְרָא יְהוָה לְמֹשֶׁה אֶל־רֹאשׁ הָהָר וַיַּעַל מֹשֶׁה׃ וַיֹּאמֶר כא
יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה רֵד הָעֵד בָּעָם פֶּן־יֶהֶרְסוּ אֶל־יְהוָה לִרְאוֹת
וְנָפַל מִמֶּנּוּ רָב׃ וְגַם הַכֹּהֲנִים הַנִּגָּשִׁים אֶל־יְהוָה יִתְקַדָּשׁוּ כב
פֶּן־יִפְרֹץ בָּהֶם יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה לֹא־יוּכַל כג
הָעָם לַעֲלֹת אֶל־הַר סִינָי כִּי־אַתָּה הַעֵדֹתָה בָּנוּ לֵאמֹר
הַגְבֵּל אֶת־הָהָר וְקִדַּשְׁתּוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוָה לֶךְ־רֵד כד
וְעָלִיתָ אַתָּה וְאַהֲרֹן עִמָּךְ וְהַכֹּהֲנִים וְהָעָם אַל־יֶהֶרְסוּ
לַעֲלֹת אֶל־יְהוָה פֶּן־יִפְרָץ־בָּם׃ וַיֵּרֶד מֹשֶׁה אֶל־הָעָם כה
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם׃ ס

כ

וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה לֵאמֹר׃ ס אָנֹכִי א ב

10 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: גיי צום פאָלק, און זאָלסט זיי הייליקן היינט און מאָרגן, און זיי זאָלן וואַשן זייערע קליידער; 11 און זיי זאָלן זיין אָנגעברייט אויפן דריטן טאָג, וואָרום אויפן דריטן טאָג וועט גאָט אַראָפּ־נידערן פאַר די אויגן פון גאַנצן פאָלק אויפן באַרג סיני. 12 און זאָלסט אָפּגרענעצן דאָס פאָלק רונד אַרום, אַזוי צו זאָגן: היט אײַך אַרויפצוגיין אויפן באַרג, אָדער זיך אָנרירן אָן זיין ברעג. איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן דעם באַרג זאָל טייטן געטייט ווערן; 13 אַ האַנט זאָל זיך ניט אָנרירן אָן אים, נייערט פאַרשטיינען זאָל ער פאַר־שטיינט ווערן, אָדער שיסן זאָל ער געשאָסן ווערן; סיי אַ בהמה, סיי אַ מענטש, זאָל ער ניט בלייבן לעבן. ערשט אַז דער האָרן גיט אַן אויסגעצויגענעם בלאָז, מעגן זיי אַרויפגיין אויפן באַרג.

14 האָט משה אַראָפּגענידערט פון באַרג צום פאָלק, און האָט געהייליקט דאָס פאָלק, און זיי האָבן געוואַשן זייערע קליידער. 15 און ער האָט געזאָגט צום פאָלק: זייט אָנגעברייט אויפן דריטן טאָג; איר זאָלט ניט גענענען צו אַ פרוי.

16 און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג, ווי עס איז געוואָרן פרימאָרגן, אַזוי זיינען געוואָרן דונערן און בליצן, און אַ שווערער וואָלקן אויפן באַרג, און דער קָול פון שופר איז געווען זייער שטאַרק, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אין לאַגער האָט געציטערט. 17 און משה האָט אַרויסגעפירט דאָס פאָלק פון לאַגער גאָט אַנטקעגן, און זיי האָבן זיך געשטעלט אונטערן באַרג. 18 און דער באַרג סיני איז געווען אין גאַנצן אין רויך, פון וועגן וואָס גאָט האָט אַראָפּגענידערט אויף אים מיט פייער; און זיין רויך איז אויפגעגאַנגען אַזוי ווי דער רויך פון אַ קאַלכאויוון, און דער גאַנצער באַרג האָט זייער געציטערט. 19 און דער קָול פון שופר איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער; משה האָט גערעדט, און גאָט האָט אים געענטפערט אויפן קָול. 20 און גאָט האָט אַראָפּגענידערט אויפן באַרג סיני, אויפן שפּיץ באַרג, און גאָט האָט גערופן משהן אויפן שפּיץ באַרג, און משה איז אַרויפגעגאַנגען. 21 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: נידער אַראָפּ, וואָרן דאָס פאָלק: זיי וועלן זיך חלילה דורכרייסן צו גאָט צו קוקן, און עס וועלן פאַלן פון זיי אַ סך. 22 און אויך די כּהנים וואָס גענענען צו גאָט, זאָלן זיך הייליקן, כּדי גאָט זאָל ניט מאַכן אַ בראָך צווישן זיי. 23 האָט משה געזאָגט צו גאָט: דאָס פאָלק קען ניט אַרויפגיין אויפן באַרג סיני, וואָרום דו האָסט דאָך אונדז אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: גרענעץ אָפּ דעם באַרג, און זאָלסט אים הייליקן. 24 האָט גאָט צו אים געזאָגט: גיי נידער אַראָפּ, און זאָלסט אַרויפקומען, דו, און אַהרן מיט דיר; אָבער די כּהנים און דאָס פאָלק זאָלן זיך ניט דורכרייסן אַרויפצוגיין צו גאָט, כּדי ער זאָל ניט מאַכן אַ בראָך צווישן זיי.

25 האָט משה אַראָפּגענידערט צום פאָלק, און זיי געזאָגט.

כ 1 און גאָט האָט גערעדט אַלע דידאָזיקע ווערטער, אַזוי צו זאָגן:

יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים׃
ג לֹא־יִהְיֶה־לְךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים עַל־פָּנָי׃ לֹא־תַעֲשֶׂה־לְךָ
ד פֶסֶל ׀ וְכָל־תְּמוּנָה אֲשֶׁר בַּשָּׁמַיִם ׀ מִמַּעַל וַאֲשֶׁר בָּאָרֶץ
ה מִתָּחַת וַאֲשֶׁר בַּמַּיִם ׀ מִתַּחַת לָאָרֶץ׃ לֹא־תִשְׁתַּחֲוֶה לָהֶם
וְלֹא תָעָבְדֵם כִּי אָנֹכִי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֵל קַנָּא פֹּקֵד עֲוֺן
ו אָבֹת עַל־בָּנִים עַל־שִׁלֵּשִׁים וְעַל־רִבֵּעִים לְשֹׂנְאָי׃ וְעֹשֶׂה
ז חֶסֶד לַאֲלָפִים לְאֹהֲבַי וּלְשֹׁמְרֵי מִצְוֺתָי׃ ס לֹא תִשָּׂא
אֶת־שֵׁם־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לַשָּׁוְא כִּי לֹא יְנַקֶּה יְהוָה אֵת אֲשֶׁר־
יִשָּׂא אֶת־שְׁמוֹ לַשָּׁוְא׃ פ
ח ט זָכוֹר אֶת־יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ׃ שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבֹד וְעָשִׂיתָ
י כָּל־מְלַאכְתֶּךָ׃ וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת ׀ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ לֹא־
תַעֲשֶׂה כָל־מְלָאכָה אַתָּה ׀ וּבִנְךָ־וּבִתֶּךָ עַבְדְּךָ וַאֲמָתְךָ
יא וּבְהֶמְתֶּךָ וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ׃ כִּי שֵׁשֶׁת־יָמִים עָשָׂה
יְהוָה אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ אֶת־הַיָּם וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־בָּם
וַיָּנַח בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי עַל־כֵּן בֵּרַךְ יְהוָה אֶת־יוֹם הַשַּׁבָּת
יב וַיְקַדְּשֵׁהוּ׃ ס כַּבֵּד אֶת־אָבִיךָ וְאֶת־אִמֶּךָ לְמַעַן יַאֲרִכוּן
יג יָמֶיךָ עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ׃ ס לֹא
תִּרְצָח׃ ס לֹא תִּנְאָף׃ ס לֹא תִּגְנֹב׃ ס לֹא־
יד תַעֲנֶה בְרֵעֲךָ עֵד שָׁקֶר׃ ס לֹא תַחְמֹד בֵּית רֵעֶךָ
ס לֹא־תַחְמֹד אֵשֶׁת רֵעֶךָ וְעַבְדּוֹ וַאֲמָתוֹ וְשׁוֹרוֹ וַחֲמֹרוֹ
וְכֹל אֲשֶׁר לְרֵעֶךָ׃ פ
טו וְכָל־הָעָם רֹאִים אֶת־הַקּוֹלֹת וְאֶת־הַלַּפִּידִם וְאֵת קוֹל
הַשֹּׁפָר וְאֶת־הָהָר עָשֵׁן וַיַּרְא הָעָם וַיָּנֻעוּ וַיַּעַמְדוּ מֵרָחֹק׃
טז וַיֹּאמְרוּ אֶל־מֹשֶׁה דַּבֵּר־אַתָּה עִמָּנוּ וְנִשְׁמָעָה וְאַל־יְדַבֵּר
יז עִמָּנוּ אֱלֹהִים פֶּן־נָמוּת׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־הָעָם אַל־תִּירָאוּ
כִּי לְבַעֲבוּר נַסּוֹת אֶתְכֶם בָּא הָאֱלֹהִים וּבַעֲבוּר תִּהְיֶה
יח יִרְאָתוֹ עַל־פְּנֵיכֶם לְבִלְתִּי תֶחֱטָאוּ׃ וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק
וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל־הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר־שָׁם הָאֱלֹהִים׃ ס

2 איך בין יהוה דיין גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגע-
צויגן פון לאַנד מִצְרַיִם, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט.
3 זאָלסט ניט האָבן אַנדערע געטער פאַר מיין פּנים.
4 זאָלסט דיר ניט מאַכן אַ געשניץ, אָדער אַ שום געשטאַלט
פון וואָס אין הימל אויבן, אָדער וואָס אויף דער ערד
אונטן, אָדער וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד.
5 זאָלסט זיך ניט בוקן צו זיי, און זאָלסט זיי ניט דינען;
וואָרום איך יהוה דיין גאָט בין אַ צערנדיקער גאָט, וואָס
רעכן זיך פאַר די זינד פון די פאָטערס מיט די קינדער,
מיטן דריטן און מיטן פירטן דור פון די וואָס האָבן מיך
פיינט, 6 און טו חסד מיטן טויזנטסטן גליד פון די וואָס
האָבן מיך ליב, און פון די וואָס היטן מיינע געבאָט.
7 זאָלסט ניט אַרויפברענגען דעם נאָמען פון יהוה
דיין גאָט צום פאַלשן, וואָרום יהוה שענקט ניט דעם וואָס
ברענגט אַרויף זיין נאָמען צום פאַלשן.
8 געדענק דעם טאָג פון שבת, אים צו האַלטן הייליק.
9 זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און טאָן אַלע דיינע מלאָכות;
10 אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו יהוה דיין גאָט,
זאָלסטו ניט טאָן קיין מלאָכה, דו, און דיין זון, און
דיין טאָכטער, דיין קנעכט, און דיין דינסט, און דיין
בהמה, און דיין פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן.
11 וואָרום זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די
ערד, דעם ים, און אַלץ וואָס אין זיי, און אויפן זיבעטן
טאָג האָט ער גערוט; דרום האָט גאָט געבענטשט דעם טאָג פון שבת, און האָט אים געהייליקט.
12 האַלט אין כּבוד דיין פאָטער און דיין מוטער, כּדי דיינע טעג זאָלן זיך לענגערן אויף דער ערד וואָס יהוה דיין
גאָט גיט דיר.

| | |
|---|---|
| 13 זאָלסט ניט הרגען. | זאָלסט ניט גנבען. |
| זאָלסט ניט מְזַנה זיין. | זאָלסט ניט זאָגן אויף דיין חבר פאַלשע עדות. |

14 זאָלסט ניט גלוסטן דיין חברס הויז; זאָלסט ניט גלוסטן דיין חברס ווייב, אָדער זיין קנעכט, אָדער זיין דינסט,
אָדער זיין אָקס, אָדער זיין אייזל, אָדער וואָס נאָר עס איז דיין חברס.
15 און דאָס גאַנצע פאָלק האָט בײַגעוווינט די דונערן, און די פלאַמען, און דעם קול פון שופר, און דעם רויכיקן
באַרג; און ווי דאָס פאָלק האָט עס געזען, אַזוי האָבן זיי געציטערט, און זיינען געשטאַנען פון דער ווייטן. 16 און זיי
האָבן געזאָגט צו משהן: רעד דו צו אונדז, און מיר וועלן הערן, און זאָל ניט רעדן צו אונדז גאָט; מיר וועלן חלילה שטאַרבן.
17 האָט משה געזאָגט צום פאָלק: איר זאָלט ניט מורא האָבן, וואָרום כּדי אײַך צו פּרוּוון איז גאָט געקומען, און
כּדי זיין מורא זאָל זיין פאַר אײַער פּנים, אַז איר זאָלט ניט זינדיקן. 18 איז דאָס פאָלק געשטאַנען פון דער ווייטן, און
משה האָט גענענט צו דעם נעבל וואָס דאָרטן איז געווען גאָט.

מפ׳ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה כֹּה תֹאמַר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אַתֶּם
רְאִיתֶם כִּי מִן־הַשָּׁמַיִם דִּבַּרְתִּי עִמָּכֶם: לֹא תַעֲשׂוּן אִתִּי כ
אֱלֹהֵי כֶסֶף וֵאלֹהֵי זָהָב לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם: מִזְבַּח אֲדָמָה כא
תַּעֲשֶׂה־לִּי וְזָבַחְתָּ עָלָיו אֶת־עֹלֹתֶיךָ וְאֶת־שְׁלָמֶיךָ אֶת־
צֹאנְךָ וְאֶת־בְּקָרֶךָ בְּכָל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַזְכִּיר אֶת־שְׁמִי
אָבוֹא אֵלֶיךָ וּבֵרַכְתִּיךָ: וְאִם־מִזְבַּח אֲבָנִים תַּעֲשֶׂה־לִּי כב
לֹא־תִבְנֶה אֶתְהֶן גָּזִית כִּי חַרְבְּךָ הֵנַפְתָּ עָלֶיהָ וַתְּחַלְלֶהָ:
וְלֹא־תַעֲלֶה בְמַעֲלֹת עַל־מִזְבְּחִי אֲשֶׁר לֹא־תִגָּלֶה כג
עֶרְוָתְךָ עָלָיו: פ

19 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישראל: איר האָט געזען אַז פון הימל האָב איך גערעדט צו אײַך. 20 איר זאָלט ניט מאַכן לעבן מיר געטער פון זילבער, און געטער פון גאָלד זאָלט איר אײַך ניט מאַכן. 21 אַ מזבח פון ערד זאָלסטו מיר מאַכן, און שלאַכטן אויף אים דײַנע בראַנדאָפּפער און דײַנע פרידאָפּפער, דײַנע שאָף און דײַנע רינדער; אין יעט־ווערער אָרט וווּ איך וועל מאַכן דערמאָנען מײַן נאָמען, וועל איך קומען צו דיר, און וועל דיך בענטשן. 22 און אויב אַ מזבח פון שטיינער וועסטו מיר מאַכן, זאָלסטו זי ניט בויען געהאַקטע, וואָרום דײַן האַקאײַזן האָסטו אויף־געהויבן דערויף, און האָסט עס פאַרשוועכט. 23 און זאָלסט ניט אַרויפגיין מיט טרעפּ אויף מײַן מזבח, כדי דײַן נאַקעט־קייט זאָל ניט אַנטפּלעקט ווערן אויף אים.

# מִשְׁפָּטִים

## כא

וְאֵלֶּה הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תָּשִׂים לִפְנֵיהֶם: כִּי תִקְנֶה עֶבֶד א ב
עִבְרִי שֵׁשׁ שָׁנִים יַעֲבֹד וּבַשְּׁבִעִת יֵצֵא לַחָפְשִׁי חִנָּם: אִם־ ג
בְּגַפּוֹ יָבֹא בְּגַפּוֹ יֵצֵא אִם־בַּעַל אִשָּׁה הוּא וְיָצְאָה אִשְׁתּוֹ
עִמּוֹ: אִם־אֲדֹנָיו יִתֶּן־לוֹ אִשָּׁה וְיָלְדָה־לוֹ בָנִים אוֹ בָנוֹת ד
הָאִשָּׁה וִילָדֶיהָ תִּהְיֶה לַאדֹנֶיהָ וְהוּא יֵצֵא בְגַפּוֹ: וְאִם־ ה
אָמֹר יֹאמַר הָעֶבֶד אָהַבְתִּי אֶת־אֲדֹנִי אֶת־אִשְׁתִּי וְאֶת־בָּנָי
לֹא אֵצֵא חָפְשִׁי: וְהִגִּישׁוֹ אֲדֹנָיו אֶל־הָאֱלֹהִים וְהִגִּישׁוֹ אֶל־ ו
הַדֶּלֶת אוֹ אֶל־הַמְּזוּזָה וְרָצַע אֲדֹנָיו אֶת־אָזְנוֹ בַּמַּרְצֵעַ
וַעֲבָדוֹ לְעֹלָם: ס וְכִי־יִמְכֹּר אִישׁ אֶת־בִּתּוֹ לְאָמָה ז
לֹא תֵצֵא כְּצֵאת הָעֲבָדִים: אִם־רָעָה בְּעֵינֵי אֲדֹנֶיהָ אֲשֶׁר־ ח
לֹא יְעָדָהּ וְהֶפְדָּהּ לְעַם נָכְרִי לֹא־יִמְשֹׁל לְמָכְרָהּ בְּבִגְדוֹ־
בָהּ: וְאִם־לִבְנוֹ יִיעָדֶנָּה כְּמִשְׁפַּט הַבָּנוֹת יַעֲשֶׂה־לָּהּ: אִם־ ט
אַחֶרֶת יִקַּח־לוֹ שְׁאֵרָהּ כְּסוּתָהּ וְעֹנָתָהּ לֹא יִגְרָע: וְאִם־ יא
שְׁלָשׁ־אֵלֶּה לֹא יַעֲשֶׂה לָהּ וְיָצְאָה חִנָּם אֵין כָּסֶף: ס
מַכֵּה אִישׁ וָמֵת מוֹת יוּמָת: וַאֲשֶׁר לֹא צָדָה וְהָאֱלֹהִים יב יג
אִנָּה לְיָדוֹ וְשַׂמְתִּי לְךָ מָקוֹם אֲשֶׁר יָנוּס שָׁמָּה: ס וְכִי־ יד

כא, ח׳ לו ק

כא 1 און דאָס זײַנען די געזעצן וואָס דו זאָלסט לייגן פאַר זיי:

2 אַז דו וועסט קויפן אַ יידישן קנעכט, זאָל ער זעקס יאָר דינען, און אין זיבעטן זאָל ער אַרויסגיין פריי אומזיסט. 3 אויב ער איז אַליין געקומען, זאָל ער אַליין אַרויסגיין; אויב ער איז אַ באַווײַבטער, זאָל זײַן ווײַב אַרויסגיין מיט אים. 4 אויב זײַן האַר וועט אים געבן אַ ווײַב, און זי וועט אים געבערן זין אָדער טעכטער, זאָל די ווײַב מיט אירע קינדער געהערן צו איר האַר, און ער זאָל אַרויסגיין אַליין. 5 און אויב זאָגן וועט זאָגן דער קנעכט: איך האָב ליב מײַן האַר, מײַן ווײַב, און מײַנע קינדער, איך וויל ניט אַרויסגיין פריי; 6 זאָל זײַן האַר אים מאַכן גענענען צו גאָט, און אים מאַכן גענענען צום טיר, אָדער צום בײַשטידל, און זײַן האַר זאָל דורכאָלן זײַן אויער מיט אַן אָל; און ער זאָל אים דינען אויף שטענדיק.

7 און אַז אַ מאַן וועט פאַרקויפן זײַן טאָכטער פאַר אַ דינסט, זאָל זי ניט אַרויסגיין אַזוי ווי עס גייען אַרויס די קנעכט. 8 אויב זי געפעלט ניט אין די אויגן פון איר האַר, וואָס האָט זי געהאַט באַשטימט פאַר זיך, זאָל ער זי לאָזן אויסלייזן; ער זאָל ניט געוועלטיקן זי צו פאַרקויפן צו פרעמדע מענטשן, ווען ער פעלשט אַן איר. 9 און אויב ער וועט זי באַשטימען פאַר זײַן זון, זאָל ער טאָן צו איר אַזוי ווי דער שטייגער מיט טעכטער. 10 אויב ער וועט זיך נעמען אַן אַנדערע, זאָל ער איר שפּײַז, איר קליידונג, און איר ווײַבערעכט, ניט מינערן. 11 און אויב ער וועט איר ניט טאָן דידאָ־זיקע דרײַ זאַכן, זאָל זי אַרויסגיין אומזיסט, אָן געלט.

12 דער וואָס שלאָגט אַ מענטשן און ער שטאַרבט, זאָל טייטן געטייט ווערן. 13 אָבער דער וואָס האָט ניט געמיינט, נאָר גאָט האָט עס אונטערגעשיקט אונטער זײַן האַנט, וועל איך דיר מאַכן אַן אָרט וואָס ער זאָל אַהין אַנטרינען.

[14] און אַז אַ מאַן וועט מוטוויליק קומען אויף זיין חבר, אים צו הרגען מיט ליסטיקייט, זאָלסטו פון מיין מזבח אים אַראָפּנעמען צו שטאַרבן.

[15] און דער וואָס שלאָגט זיין פאָטער, אָדער זיין מוטער, זאָל טייטן געטייט ווערן.

[16] און דער וואָס גנבעט אַ מענטשן און פאַרקויפט אים, אָדער ער ווערט געפונען אין זיין האַנט, זאָל טייטן געטייט ווערן.

[17] און דער וואָס שילט זיין פאָטער, אָדער זיין מוטער, זאָל טייטן געטייט ווערן.

[18] און אַז מענטשן וועלן זיך קריגן, און איינער וועט שלאָגן דעם אַנדערן מיט אַ שטיין, אָדער מיטן פויסט, און ער וועט ניט שטאַרבן, נאָר ער וועט זיך אַוועקלייגן אין בעט, [19] איז, אויב ער וועט אויפשטיין און אַרומגיין דרויסן אויף זיין שטעקן, זאָל דער שלעגער זיין פריי; נאָר פאַר זיין זיצן ליידיק מוז ער באַצאָלן, און אויסהיילן מוז ער אים לאָזן אויסהיילן.

[20] און אַז אַ מאַן וועט שלאָגן זיין קנעכט, אָדער זיין דינסט, מיט אַ שטעקן, און ער וועט שטאַרבן אונטער זיין האַנט, זאָל ער שטראָפן באַשטראָפט ווערן.

[21] אויב אָבער ער וועט זיך האַלטן אַ טאָג אָדער צוויי טעג, זאָל ער ניט באַשטראָפט ווערן; וואָרום דאָס איז זיין געלט.

[22] און אַז מענער וועלן זיך ראַנגלען, און וועלן אָנ־שטויסן אַ טראָגעדיקע פרוי, און אירע קינדער וועלן אַרויסגיין, אָבער קיין אומגליק וועט ניט געשען, זאָל קנסען געקנסעט ווערן [דער שולדיקער], לויט ווי דער פרויס מאַן וועט אויף אים אַרויפלייגן, און ער זאָל עס געבן פאַר די דיינים. [23] אויב אָבער אַן אומגליק וועט געשען, זאָלסטו געבן אַ נפש פאַר אַ נפש. [24] אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אַ האַנט פאַר אַ האַנט, אַ פוס פאַר אַ פוס. [25] אַ ברען פאַר אַ ברען, אַ וווּנד פאַר אַ וווּנד, אַ בייל פאַר אַ בייל.

[26] און אַז אַ מאַן וועט שלאָגן דאָס אויג פון זיין קנעכט, אָדער דאָס אויג פון זיין דינסט, און וועט עס איבערפירן, זאָל ער אים אַרויסלאָזן פריי פאַר זיין אויג. [27] און אַז ער וועט אויסהאַקן אַ צאָן פון זיין קנעכט, אָדער אַ צאָן פון זיין דינסט, זאָל ער אים אַרויסלאָזן פריי פאַר זיין צאָן.

[28] און אַז אַן אָקס וועט שטויסן אַ מאַן אָדער אַ פרוי, און זיי וועלן שטאַרבן, זאָל פאַרשטיינען פאַרשטיינט ווערן דער אָקס, און זיין פלייש זאָל ניט געגעסן ווערן; און דער באַלעבאָס פון אָקס איז פריי. [29] אויב אָבער ער איז אַ שטויסיקער אָקס פון נעכטן־אייערנעכטן, און זיין באַלעבאָס איז געוואָרנט געוואָרן, און האָט אים ניט געהיט, און ער וועט טייטן אַ מאַן אָדער אַ פרוי, זאָל פאַרשטיינט ווערן דער אָקס, און אויך זיין באַלעבאָס זאָל געטייט ווערן. [30] אויב אַן אויסלייז וועט אַרויפגעלייגט ווערן אויף אים, זאָל ער געבן פאַרן אויסקויף פון זיין נפש וויפיל עס וועט אַרויפגע־לייגט ווערן אויף אים. [31] סיי ער וועט שטויסן אַ ייִנגל, סיי ער וועט שטויסן אַ מיידל, זאָל אַזוי ווי דערדאָזיקער משפט געטאָן ווערן צו אים. [32] אויב דער אָקס וועט שטויסן אַ קנעכט אָדער אַ דינסט, זאָל ער געבן זיין האַר דרייסיק שֶקל זילבער, און דער אָקס זאָל פאַרשטיינט ווערן.

[33] און אַז אַ מאַן וועט עפענען אַ גרוב, אָדער אַז אַ מאַן וועט גראָבן אַ גרוב, און וועט זי ניט צודעקן, און אַהין וועט אַריינפאַלן אַן אָקס אָדער אַן אייזל, [34] זאָל דער באַלעבאָס פון דער גרוב באַצאָלן; געלט זאָל ער אומקערן צו זייער באַלעבאָס, און די טויטע בהמה זאָל געהערן צו אים.

[35] און אַז אַ מאַנס אָקס וועט שעדיקן דעם אָקס פון זיין חבר, און ער וועט אַוועקפאַלן, זאָלן זיי פאַרקויפן

יָזִד אִישׁ עַל־רֵעֵהוּ לְהָרְגוֹ בְעָרְמָה מֵעִם מִזְבְּחִי תִּקָּחֶנּוּ
טו טז לָמוּת׃ ס וּמַכֵּה אָבִיו וְאִמּוֹ מוֹת יוּמָת׃ ס וְגֹנֵב
יז אִישׁ וּמְכָרוֹ וְנִמְצָא בְיָדוֹ מוֹת יוּמָת׃ ס וּמְקַלֵּל אָבִיו
יח וְאִמּוֹ מוֹת יוּמָת׃ ס וְכִי־יְרִיבֻן אֲנָשִׁים וְהִכָּה־אִישׁ
אֶת־רֵעֵהוּ בְּאֶבֶן אוֹ בְאֶגְרֹף וְלֹא יָמוּת וְנָפַל לְמִשְׁכָּב׃
יט אִם־יָקוּם וְהִתְהַלֵּךְ בַּחוּץ עַל־מִשְׁעַנְתּוֹ וְנִקָּה הַמַּכֶּה רַק
שני שִׁבְתּוֹ יִתֵּן וְרַפֹּא יְרַפֵּא׃ ס וְכִי־יַכֶּה אִישׁ אֶת־עַבְדּוֹ
כא אוֹ אֶת־אֲמָתוֹ בַּשֵּׁבֶט וּמֵת תַּחַת יָדוֹ נָקֹם יִנָּקֵם׃ אַךְ אִם־
כב יוֹם אוֹ יוֹמַיִם יַעֲמֹד לֹא יֻקַּם כִּי כַסְפּוֹ הוּא׃ ס וְכִי־
יִנָּצוּ אֲנָשִׁים וְנָגְפוּ אִשָּׁה הָרָה וְיָצְאוּ יְלָדֶיהָ וְלֹא יִהְיֶה אָסוֹן
עָנוֹשׁ יֵעָנֵשׁ כַּאֲשֶׁר יָשִׁית עָלָיו בַּעַל הָאִשָּׁה וְנָתַן בִּפְלִלִים׃
כג כד וְאִם־אָסוֹן יִהְיֶה וְנָתַתָּה נֶפֶשׁ תַּחַת נָפֶשׁ׃ עַיִן תַּחַת עַיִן שֵׁן
כה תַּחַת שֵׁן יָד תַּחַת יָד רֶגֶל תַּחַת רָגֶל׃ כְּוִיָּה תַּחַת כְּוִיָּה
כו פֶּצַע תַּחַת פָּצַע חַבּוּרָה תַּחַת חַבּוּרָה׃ ס וְכִי־יַכֶּה אִישׁ
אֶת־עֵין עַבְדּוֹ אוֹ־אֶת־עֵין אֲמָתוֹ וְשִׁחֲתָהּ לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ
כז תַּחַת עֵינוֹ׃ וְאִם־שֵׁן עַבְדּוֹ אוֹ־שֵׁן אֲמָתוֹ יַפִּיל לַחָפְשִׁי יְשַׁלְּחֶנּוּ
תַּחַת שִׁנּוֹ׃ פ
כח וְכִי־יִגַּח שׁוֹר אֶת־אִישׁ אוֹ אֶת־אִשָּׁה וָמֵת סָקוֹל יִסָּקֵל
כט הַשּׁוֹר וְלֹא יֵאָכֵל אֶת־בְּשָׂרוֹ וּבַעַל הַשּׁוֹר נָקִי׃ וְאִם שׁוֹר
נַגָּח הוּא מִתְּמֹל שִׁלְשֹׁם וְהוּעַד בִּבְעָלָיו וְלֹא יִשְׁמְרֶנּוּ
וְהֵמִית אִישׁ אוֹ אִשָּׁה הַשּׁוֹר יִסָּקֵל וְגַם־בְּעָלָיו יוּמָת׃
ל אִם־כֹּפֶר יוּשַׁת עָלָיו וְנָתַן פִּדְיֹן נַפְשׁוֹ כְּכֹל אֲשֶׁר־יוּשַׁת
לא עָלָיו׃ אוֹ־בֵן יִגָּח אוֹ־בַת יִגָּח כַּמִּשְׁפָּט הַזֶּה יֵעָשֶׂה לּוֹ׃
לב אִם־עֶבֶד יִגַּח הַשּׁוֹר אוֹ אָמָה כֶּסֶף ׀ שְׁלֹשִׁים שְׁקָלִים יִתֵּן
לג לַאדֹנָיו וְהַשּׁוֹר יִסָּקֵל׃ ס וְכִי־יִפְתַּח אִישׁ בּוֹר אוֹ כִּי־
יִכְרֶה אִישׁ בֹּר וְלֹא יְכַסֶּנּוּ וְנָפַל־שָׁמָּה שּׁוֹר אוֹ חֲמוֹר׃
לד בַּעַל הַבּוֹר יְשַׁלֵּם כֶּסֶף יָשִׁיב לִבְעָלָיו וְהַמֵּת יִהְיֶה־לּוֹ׃
לה ס וְכִי־יִגֹּף שׁוֹר־אִישׁ אֶת־שׁוֹר רֵעֵהוּ וָמֵת וּמָכְרוּ אֶת־

לא׳ קמץ בטרחא

הַשּׁוֹר הַחַי וְחָצוּ אֶת־כַּסְפּוֹ וְגַם אֶת־הַמֵּת יֶחֱצוּן׃ אוֹ נוֹדַע לו
כִּי שׁוֹר נַגָּח הוּא מִתְּמוֹל שִׁלְשֹׁם וְלֹא יִשְׁמְרֶנּוּ בְּעָלָיו
שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם שׁוֹר תַּחַת הַשּׁוֹר וְהַמֵּת יִהְיֶה־לּוֹ׃ ס כִּי לז
יִגְנֹב־אִישׁ שׁוֹר אוֹ־שֶׂה וּטְבָחוֹ אוֹ מְכָרוֹ חֲמִשָּׁה בָקָר יְשַׁלֵּם
תַּחַת הַשּׁוֹר וְאַרְבַּע־צֹאן תַּחַת הַשֶּׂה׃

כב

אִם־בַּמַּחְתֶּרֶת יִמָּצֵא הַגַּנָּב וְהֻכָּה וָמֵת אֵין לוֹ דָּמִים׃ א
אִם־זָרְחָה הַשֶּׁמֶשׁ עָלָיו דָּמִים לוֹ שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם אִם־אֵין ב
לוֹ וְנִמְכַּר בִּגְנֵבָתוֹ׃ אִם־הִמָּצֵא תִמָּצֵא בְיָדוֹ הַגְּנֵבָה ג
מִשּׁוֹר עַד־חֲמוֹר עַד־שֶׂה חַיִּים שְׁנַיִם יְשַׁלֵּם׃ ס כִּי של׳
יַבְעֶר־אִישׁ שָׂדֶה אוֹ־כֶרֶם וְשִׁלַּח אֶת־בְּעִירֹה וּבִעֵר בִּשְׂדֵה
אַחֵר מֵיטַב שָׂדֵהוּ וּמֵיטַב כַּרְמוֹ יְשַׁלֵּם׃ ס כִּי־תֵצֵא ה
אֵשׁ וּמָצְאָה קֹצִים וְנֶאֱכַל גָּדִישׁ אוֹ הַקָּמָה אוֹ הַשָּׂדֶה
שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם הַמַּבְעִר אֶת־הַבְּעֵרָה׃ ס כִּי־יִתֵּן אִישׁ ו
אֶל־רֵעֵהוּ כֶּסֶף אוֹ־כֵלִים לִשְׁמֹר וְגֻנַּב מִבֵּית הָאִישׁ אִם־
יִמָּצֵא הַגַּנָּב יְשַׁלֵּם שְׁנָיִם׃ אִם־לֹא יִמָּצֵא הַגַּנָּב וְנִקְרַב ז
בַּעַל־הַבַּיִת אֶל־הָאֱלֹהִים אִם־לֹא שָׁלַח יָדוֹ בִּמְלֶאכֶת
רֵעֵהוּ׃ עַל־כָּל־דְּבַר־פֶּשַׁע עַל־שׁוֹר עַל־חֲמוֹר עַל־שֶׂה ח
עַל־שַׂלְמָה עַל־כָּל־אֲבֵדָה אֲשֶׁר יֹאמַר כִּי־הוּא זֶה עַד
הָאֱלֹהִים יָבֹא דְּבַר־שְׁנֵיהֶם אֲשֶׁר יַרְשִׁיעֻן אֱלֹהִים יְשַׁלֵּם
שְׁנַיִם לְרֵעֵהוּ׃ ס כִּי־יִתֵּן אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ חֲמוֹר אוֹ־שׁוֹר ט
אוֹ־שֶׂה וְכָל־בְּהֵמָה לִשְׁמֹר וּמֵת אוֹ־נִשְׁבַּר אוֹ־נִשְׁבָּה אֵין
רֹאֶה׃ שְׁבֻעַת יְהוָה תִּהְיֶה בֵּין שְׁנֵיהֶם אִם־לֹא שָׁלַח יָדוֹ י
בִּמְלֶאכֶת רֵעֵהוּ וְלָקַח בְּעָלָיו וְלֹא יְשַׁלֵּם׃ וְאִם־גָּנֹב יא
יִגָּנֵב מֵעִמּוֹ יְשַׁלֵּם לִבְעָלָיו׃ אִם־טָרֹף יִטָּרֵף יְבִאֵהוּ עֵד יב
הַטְּרֵפָה לֹא יְשַׁלֵּם׃ פ
וְכִי־יִשְׁאַל אִישׁ מֵעִם רֵעֵהוּ וְנִשְׁבַּר אוֹ־מֵת בְּעָלָיו אֵין־ יג

כב, ד׳ בעיו ק

דעם לעבעדיקן אָקס, און זיך צעטיילן מיטן געלט; און אויך מיטן טויטן זאָלן זיי זיך צעטיילן. 36 אויב עס איז באַוווּסט, אַז ער איז אַ שטויסיקער אָקס פון לאַנג אָן, און זיין באַלעבאָס האָט אים ניט געהיט, זאָל ער צאָלן באַצאָלן אַן אָקס פאַרן אָקס, און דער טויטער זאָל געהערן צו אים.

37 אַז אַ מאַן וועט גנבען אַן אָקס אָדער אַ שעפּס, און וועט אים שעכטן, אָדער ער וועט אים פאַרקויפן, זאָל ער באַצאָלן פינף רינדער פאַרן אָקס, און פיר שאָף פאַרן שעפּס.

**כב** 1 אַז אַ גנב וועט געכאַפּט ווערן ביי אַן איינבערעכונג, און וועט קריגן געשלאָגן און וועט שטאַרבן, איז ניטאָ פאַר אים קיין בלוטשולד. 2 אויב אָבער די זון איז אויפגעגאַנגען איבער אים, איז דאָ פאַר אים בלוטשולד.

[א] באַצאָלן מוז ער באַצאָלן; אויב ער האָט ניט, זאָל ער פאַרקויפט ווערן פאַר זיין גנבה. 3 אויב געפונען וועט געפונען ווערן די גנבה אין זיין האַנט אַ לעבעדיקע, סיי אַן אָקס, סיי אַן אייזל, סיי אַ שעפּס, זאָל ער באַצאָלן טאָפּל.

4 אַז אַ מאַן וועט לאָזן אָפּעסן אַ פעלד אָדער אַ ווייַנגאָרטן, און וועט אַרויסלאָזן זיין בהמה, און זי וועט אָפּעסן אין אַן אַנדערנס פעלד, זאָל ער מיט דעם בעסטן פון זיין פעלד, און מיט דעם בעסטן פון זיין ווייַנגאָרטן באַצאָלן.

5 אַז אַ פייער וועט אַרויסגיין, און וועט אָנטרעפן דערנער, און עס וועט פאַרצערט ווערן אַ סטויג, אָדער שטייענדיקע תבואה, אָדער אַ פעלד, זאָל צאָלן באַצאָלן דער וואָס האָט אָנגעצונדן די שׂרפה.

6 אַז אַ מאַן וועט געבן זיין חבר געלט אָדער זאַכן צום היטן, און עס וועט געגנבעט ווערן פון דעם מאַנס הויז, אויב דער גנב וועט געפונען ווערן, זאָל ער באַצאָלן טאָפּל; 7 אויב דער גנב וועט ניט געפונען ווערן, זאָל דער באַלעבאָס פון הויז גענענען צו גאָט[ב]: צי ער האָט ניט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף זיין חברס האָב. 8 ביי איטלעכן חשד פון אומערלעכקייט, וועגן אַן אָקס, וועגן אַן אייזל, וועגן אַ שעפּס, וועגן אַ קלייד, וועגן וואָסער עס איז פאַרלאָרענער זאַך, וואָס איינער זאָגט, אַז דאָס איז עס, זאָל די זאַך פון ביידן קומען פאַר גאָט; דער וועמען גאָט וועט מאַכן שולדיק, זאָל באַצאָלן זיין חבר טאָפּל.

9 אַז אַ מאַן וועט געבן זיין חבר אַן אייזל, אָדער אַן אָקס, אָדער אַ שעפּס, אָדער וואָסער עס איז בהמה צום היטן, און זי וועט אַוועקפאַלן, אָדער געשעדיקט ווערן, אָדער געפאַנגען ווערן, ווען קיינער זעט ניט, 10 זאָל אַ שבועה פון גאָט זיין צווישן זיי ביידן, אויב ער האָט ניט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף זיין חברס האָב; און איר באַלעבאָס זאָל עס אָננעמען, און ער דאַרף ניט באַצאָלן. 11 אויב אָבער גנבען איז זי געגנבעט געוואָרן פון אים, מוז ער באַצאָלן איר באַלעבאָס. 12 אויב פאַרצוקן איז זי פאַרצוקט געוואָרן, זאָל ער ברענגען פון איר צום עדות; פאַר אַ פאַרצוקטער דאַרף ער ניט באַצאָלן.

13 און אַז אַ מאַן וועט באָרגן [אַ בהמה] פון זיין חבר, און זי וועט געשעדיקט ווערן, אָדער אַוועקפאַלן—איז איר

[א] פאַרבינדט זיך מיט פסוק 37 פון פריערדיקן קאַפּיטל. [ב] צו בית־דין.

באַלעבאָס ניט מיט איר, מוז ער צאָלן באַצאָלן. 14 אויב
איר באַלעבאָס איז מיט איר, דאַרף ער ניט באַצאָלן.
אויב זי איז אַ געדונגענע, גייט דאָס אַריין אין איר לוין.

15 און אַז אַ מאַן וועט פאַרפירן אַ יונגפרוי וואָס איז ניט פאַרקנסט, און וועט ליגן מיט איר, זאָל ער מיט נדן זי מאַכן פאַר זיין ווייב. 16 אויב איר פאָטער וועט זי אים ניט וועלן געבן, זאָל ער באַצאָלן געלט לויט דעם נדן פון יונגפרויען.

17 אַ מכשפה זאָלסטו ניט לאָזן לעבן.

18 איטלעכער וואָס ליגט מיט אַ בהמה זאָל טייטן געטייט ווערן.

19 דער וואָס שלאַכט צו געטער, אַחוץ צו יהוה אַליין, זאָל ווערן חרם.

20 און אַ פרעמדן זאָלסטו ניט קריוודען, און זאָלסט אים ניט דריקן, וואָרום פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מִצרַיִם.

21 אַן אַלמנה און אַ יתום זאָלט איר ניט פייניקן.
22 אויב פייניקן וועסטו אים פייניקן, איז, ווי נאָר ער וועט שרייען צו מיר, וועל איך זיכער צוהערן זיין געשריי.
23 און מיין צאָרן וועט גרימען, און איך וועל אײַך הרגען מיטן שווערד, און אײַערע ווייבער וועלן זיין אַלמנות, און אײַערע קינדער יתומים.

24 אַז דו וועסט געלט לייען מיין פאָלק, דעם אָרימאַן ביי דיר, זאָלסטו ניט זיין צו אים ווי אַ בעל־חוב; איר זאָלט ניט אַרויפלייגן אויף אים ציַנזן.

25 אַז דו וועסט נעמען אין משכון דיין חברס קלייד, זאָלסטו עס אים אומקערן איידער די זון גייט אונטער; 26 וואָרום דאָס איז זיין איינציקער צודעק, דאָס איז זיין קלייד פאַר זיין לייב; אין וואָס וועט ער שלאָפן? איז, אַז ער וועט שרייען צו מיר, וועל איך צוהערן, וואָרום איך בין לייטועליק.

27 גאָט זאָלסטו ניט שילטן, און אַ פירשט אין דיין פאָלק זאָלסטו ניט פלוכן.

28 [די גאָב פון] דיין פולקייט און דיין שפּע[א] זאָלסטו ניט שפּעטיקן.
דעם בכור פון דיינע זין זאָלסטו אָפּגעבן צו מיר. 29 דעסגלייכן זאָלסטו טאָן מיט דיין אָקס, מיט דיינע שאָף;
זיבן טעג זאָל עס זיין ביי זיין מוטער, אויפן אַכטן טאָג זאָלט איר עס אָפּגעבן צו מיר.

30 און הייליקע מענטשן זאָלט איר מיר זיין, און פלייש פון אַ פאַרצוקטער אויפן פעלד זאָלט איר ניט עסן; פאַרן הונט זאָלט איר עס אַוועקוואַרפן.

יד עִמּוֹ שַׁלֵּם יְשַׁלֵּם׃ אִם־בְּעָלָיו עִמּוֹ לֹא יְשַׁלֵּם אִם־שָׂכִיר
טו הוּא בָּא בִּשְׂכָרוֹ׃ ס וְכִי־יְפַתֶּה אִישׁ בְּתוּלָה אֲשֶׁר
טז לֹא־אֹרָשָׂה וְשָׁכַב עִמָּהּ מָהֹר יִמְהָרֶנָּה לּוֹ לְאִשָּׁה׃ אִם־
מָאֵן יְמָאֵן אָבִיהָ לְתִתָּהּ לוֹ כֶּסֶף יִשְׁקֹל כְּמֹהַר הַבְּתוּלֹת׃
יז יח ס מְכַשֵּׁפָה לֹא תְחַיֶּה׃ כָּל־שֹׁכֵב עִם־בְּהֵמָה מוֹת
יט יוּמָת׃ ס זֹבֵחַ לָאֱלֹהִים יָחֳרָם בִּלְתִּי לַיהוָה לְבַדּוֹ׃
כ וְגֵר לֹא־תוֹנֶה וְלֹא תִלְחָצֶנּוּ כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃
כא כב כָּל־אַלְמָנָה וְיָתוֹם לֹא תְעַנּוּן׃ אִם־עַנֵּה תְעַנֶּה אֹתוֹ כִּי
כג אִם־צָעֹק יִצְעַק אֵלַי שָׁמֹעַ אֶשְׁמַע צַעֲקָתוֹ׃ וְחָרָה אַפִּי
וְהָרַגְתִּי אֶתְכֶם בֶּחָרֶב וְהָיוּ נְשֵׁיכֶם אַלְמָנוֹת וּבְנֵיכֶם יְתֹמִים׃ פ
כד אִם־כֶּסֶף ׀ תַּלְוֶה אֶת־עַמִּי אֶת־הֶעָנִי עִמָּךְ לֹא־תִהְיֶה לוֹ
כה כְּנֹשֶׁה לֹא־תְשִׂימוּן עָלָיו נֶשֶׁךְ׃ אִם־חָבֹל תַּחְבֹּל שַׂלְמַת
כו רֵעֶךָ עַד־בֹּא הַשֶּׁמֶשׁ תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ׃ כִּי הוּא כְסוּתֹה לְבַדָּהּ
הִוא שִׂמְלָתוֹ לְעֹרוֹ בַּמֶּה יִשְׁכָּב וְהָיָה כִּי־יִצְעַק אֵלַי וְשָׁמַעְתִּי
רב׳ כִּי־חַנּוּן אָנִי׃ * ס אֱלֹהִים לֹא תְקַלֵּל וְנָשִׂיא בְעַמְּךָ לֹא
כח תָאֹר׃ מְלֵאָתְךָ וְדִמְעֲךָ לֹא תְאַחֵר בְּכוֹר בָּנֶיךָ תִּתֶּן־לִּי׃
כט כֵּן־תַּעֲשֶׂה לְשֹׁרְךָ לְצֹאנֶךָ שִׁבְעַת יָמִים יִהְיֶה עִם־אִמּוֹ בַּיּוֹם
ל הַשְּׁמִינִי תִּתְּנוֹ־לִי׃ וְאַנְשֵׁי־קֹדֶשׁ תִּהְיוּן לִי וּבָשָׂר בַּשָּׂדֶה
טְרֵפָה לֹא תֹאכֵלוּ לַכֶּלֶב תַּשְׁלִכוּן אֹתוֹ׃ ס

כג

א לֹא תִשָּׂא שֵׁמַע שָׁוְא אַל־תָּשֶׁת יָדְךָ עִם־רָשָׁע לִהְיֹת עֵד
ב חָמָס׃ לֹא־תִהְיֶה אַחֲרֵי־רַבִּים לְרָעֹת וְלֹא־תַעֲנֶה עַל־רִב
ג לִנְטֹת אַחֲרֵי רַבִּים לְהַטֹּת׃ וְדָל לֹא תֶהְדַּר בְּרִיבוֹ׃ ס
ד כִּי תִפְגַּע שׁוֹר אֹיִבְךָ אוֹ חֲמֹרוֹ תֹּעֶה הָשֵׁב תְּשִׁיבֶנּוּ לוֹ׃
ה ס כִּי־תִרְאֶה חֲמוֹר שֹׂנַאֲךָ רֹבֵץ תַּחַת מַשָּׂאוֹ וְחָדַלְתָּ
חמ׳ מֵעֲזֹב לוֹ עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ׃ ס לֹא תַטֶּה מִשְׁפַּט אֶבְיֹנְךָ
ז בְּרִיבוֹ׃ מִדְּבַר־שֶׁקֶר תִּרְחָק וְנָקִי וְצַדִּיק אַל־תַּהֲרֹג

כד׳ סגול בס״פ   כו׳ כסותו ק׳   קמץ בז״ק כז׳ חצי הספר בפסוקים

כג 1 זאָלסט ניט אַרויסלאָזן אַ פאַלשן קלאַנג; זאָלסט ניט מאַכן איין האַנט מיט דעם רשע צו זיין אַן עדות אויף אומרעכט. 2 זאָלסט ניט נאָכגיין נאָך אַ רבים צום בייזן; און אין אַ קריג זאָלסטו ניט עדות זאָגן כדי זיך צו נייגן נאָך אַ רבים צו פאַרדרייען. 3 און אַן אָרימאַן זאָלסטו ניט שאַנעווען אין זיין קריג.

4 אַז דו וועסט טרעפן דיין שונאס אָקס, אָדער זיין אייזל, בלאָנדזשענדיק, זאָלסטו אומקערן אים אומקערן צו אים.

5 אַז דו וועסט זען דיין שונאס אייזל ליגן אונטער זיין משא, זאָלסטו זיך אָפּהאַלטן פון איבערלאָזן צו אים; אָפּבינדן זאָלסטו אָפּבינדן אין איינעם מיט אים.

6 זאָלסט ניט פאַרדרייען דאָס רעכט פון דיין אביון אין זיין קריג. 7 פון אַ פאַלשן פסק זאָלסטו זיך דערווייטערן, און אַן אומשולדיקן און גערעכטן זאָלסטו ניט הרגען; וואָרום איך וועל ניט לאָזן בלייבן

א פולערע איבערזעצונג: די גאָב פון דער פולקייט פון דיין שניט, און פון דעם אויסגוס פון דיין קעלטער.

ח כִּי לֹא־אַצְדִּיק רָשָׁע׃ וְשֹׁחַד לֹא תִקָּח כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר
ט פִּקְחִים וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִים׃ וְגֵר לֹא תִלְחָץ וְאַתֶּם
יְדַעְתֶּם אֶת־נֶפֶשׁ הַגֵּר כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם׃
י וְשֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע אֶת־אַרְצֶךָ וְאָסַפְתָּ אֶת־תְּבוּאָתָהּ׃
יא וְהַשְּׁבִיעִת תִּשְׁמְטֶנָּה וּנְטַשְׁתָּהּ וְאָכְלוּ אֶבְיֹנֵי עַמֶּךָ וְיִתְרָם
יב תֹּאכַל חַיַּת הַשָּׂדֶה כֵּן־תַּעֲשֶׂה לְכַרְמְךָ לְזֵיתֶךָ׃ שֵׁשֶׁת יָמִים
תַּעֲשֶׂה מַעֲשֶׂיךָ וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תִּשְׁבֹּת לְמַעַן יָנוּחַ שׁוֹרְךָ
יג וַחֲמֹרֶךָ וְיִנָּפֵשׁ בֶּן־אֲמָתְךָ וְהַגֵּר׃ וּבְכֹל אֲשֶׁר־אָמַרְתִּי
אֲלֵיכֶם תִּשָּׁמֵרוּ וְשֵׁם אֱלֹהִים אֲחֵרִים לֹא תַזְכִּירוּ לֹא
יד יִשָּׁמַע עַל־פִּיךָ׃ שָׁלֹשׁ רְגָלִים תָּחֹג לִי בַּשָּׁנָה׃ אֶת־חַג
טו הַמַּצּוֹת תִּשְׁמֹר שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ
לְמוֹעֵד חֹדֶשׁ הָאָבִיב כִּי־בוֹ יָצָאתָ מִמִּצְרָיִם וְלֹא־יֵרָאוּ
טז פָנַי רֵיקָם׃ וְחַג הַקָּצִיר בִּכּוּרֵי מַעֲשֶׂיךָ אֲשֶׁר תִּזְרַע בַּשָּׂדֶה
וְחַג הָאָסִף בְּצֵאת הַשָּׁנָה בְּאָסְפְּךָ אֶת־מַעֲשֶׂיךָ מִן־הַשָּׂדֶה׃
יז שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה כָּל־זְכוּרְךָ אֶל־פְּנֵי הָאָדֹן ׀
יח יְהוָה׃ לֹא־תִזְבַּח עַל־חָמֵץ דַּם־זִבְחִי וְלֹא־יָלִין חֵלֶב־חַגִּי
יט עַד־בֹּקֶר׃ רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ תָּבִיא בֵּית יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ לֹא־תְבַשֵּׁל גְּדִי בַּחֲלֵב אִמּוֹ׃ פ
ששי הִנֵּה אָנֹכִי שֹׁלֵחַ מַלְאָךְ לְפָנֶיךָ לִשְׁמָרְךָ בַּדָּרֶךְ וְלַהֲבִיאֲךָ
כא אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר הֲכִנֹתִי׃ הִשָּׁמֶר מִפָּנָיו וּשְׁמַע בְּקֹלוֹ
כב אַל־תַּמֵּר בּוֹ כִּי לֹא יִשָּׂא לְפִשְׁעֲכֶם כִּי שְׁמִי בְּקִרְבּוֹ׃ כִּי
אִם־שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע בְּקֹלוֹ וְעָשִׂיתָ כֹּל אֲשֶׁר אֲדַבֵּר וְאָיַבְתִּי
כג אֶת־אֹיְבֶיךָ וְצַרְתִּי אֶת־צֹרְרֶיךָ׃ כִּי־יֵלֵךְ מַלְאָכִי לְפָנֶיךָ
וֶהֱבִיאֲךָ אֶל־הָאֱמֹרִי וְהַחִתִּי וְהַפְּרִזִּי וְהַכְּנַעֲנִי הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי
כד וְהִכְחַדְתִּיו׃ לֹא־תִשְׁתַּחֲוֶה לֵאלֹהֵיהֶם וְלֹא תָעָבְדֵם וְלֹא
תַעֲשֶׂה כְּמַעֲשֵׂיהֶם כִּי הָרֵס תְּהָרְסֵם וְשַׁבֵּר תְּשַׁבֵּר
כה מַצֵּבֹתֵיהֶם׃ וַעֲבַדְתֶּם אֵת יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וּבֵרַךְ אֶת־
שב׳ לַחְמְךָ וְאֶת־מֵימֶיךָ וַהֲסִרֹתִי מַחֲלָה מִקִּרְבֶּךָ׃ ס לֹא

גערעכט דעם שולדיקן. 8 און שוחד זאָלסטו ניט נעמען, וואָרום שוחד מאַכט בלינד זעעדיקע, און פאַרדרייט די ווערטער פון גערעכטע.

9 און אַ פרעמדן זאָלסטו ניט דריקן, וואָרום איר ווייסט דאָס געמיט פון דעם פרעמדן, ווייל פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מִצרַיִם.

10 און זעקס יאָר זאָלסטו זייען דיין לאַנד, און אײַנזאַמלען איר תבואה; 11 אָבער דאָס זיבעטע יאָר זאָלסטו עס פאַרלאָזן און עס איבערלאָזן פריי, כדי די אביונים פון דיין פאָלק זאָלן עסן; און וואָס בלייבט פון זיי, זאָל עסן די חיה פון פעלד. דעסגלייכן זאָלסטו טאָן מיט דיין ווייגאָרטן, מיט דיין איילבערטגאָרטן.

12 זעקס טעג זאָלסטו טאָן דיינע אַרבעט, און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען, כדי עס זאָל־רוען דיין אָקס און דיין אייזל, און עס זאָל אָפּעטעמען דער זון פון דיין דיינסט, און דער פרעמדער.

13 און אין אַלץ, וואָס איך האָב אײַך אָנגעזאָגט, זאָלט איר זיין אָפּגעהיט; און דעם נאָמען פון פרעמדע געטער זאָלט איר ניט דערמאָנען; עס זאָל פון דיין מויל ניט גע־הערט ווערן.

14 דריי מאָל אין יאָר זאָלסטו האַלטן אַ יום־טוב צו מיר. 15 דעם יום־טוב פון מצות זאָלסטו היטן: זיבן טעג זאָלסטו עסן מצות, אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן, צו דער געשטעלטער צייט אין חודש אָביב, וואָרום אין אים ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם; און מע זאָל זיך ניט ווייזן פאַר מיר מיט ליידיקן; 16 און דעם יום־טוב פון שניט, פון די ערשטפרוכט פון דיינע אַרבעט, פון וואָס דו וועסט פאַרזייען אין פעלד; און דעם יום־טוב פון אײַנזאַמלונג ביים אויסלאָז פון יאָר, ווען דו זאַמלסט אײַן דיינע אַרבעט פון פעלד. 17 דריי מאָל אין יאָר זאָלן אַלע דיינע מאַנספאַרשוינען זיך ווייזן פאַר דעם האַר, גאָט.

18 זאָלסט ניט מקריב זיין מיט געזייערטן ברויט דאָס בלוט פון מיין שלאַכטאָפּפער; און דאָס אָפּפערפעטס פון מיין יום־טוב זאָל ניט איבערנעכטיקן ביז אין דער פרי.

19 די ערשט פריצייטיקע פון דיין ערד זאָלסטו ברענגען אין הויז פון יהוה דיין גאָט.

זאָלסט ניט קאָכן אַ ציקעלע אין זיין מוטערס מילך.

20 זע, איך שיק דיר פאַרויס אַ מלאך, דיך צו היטן אויפן וועג, און דיך צו ברענגען צו דעם אָרט וואָס איך האָב אָנגעברייט. 21 היט דיך פאַר אים, און הער צו זיין קָול; זאָלסט ניט ווידערשפעניקן אָן אים, וואָרום ער וועט ניט פאַרגעבן אייער פאַרברעך, ווייל מיין נאָמען איז אין אים. 22 אָבער אויב צוּ־הערן וועסטו צוהערן צו זיין קָול, און וועסט טאָן אַלץ וואָס איך רעד, וועל איך פיינטן דיינע פיינט, און דריקן דיינע דריקער. 23 וואָרום מיין מלאך וועט גיין דיר פאַרויס, און ער וועט דיך ברענגען צו דעם אֱמוֹרי, און דעם חִתּי, און דעם פּרִזי, און דעם כּנַעֲני, דעם חִוי, און דעם יבוסי; און איך וועל זיי פאַרטיליקן. 24 זאָלסט זיך ניט בוקן צו זייערע געטער, און זאָלסט זיי ניט דינען, און זאָלסט ניט טאָן אַזוי ווי זייערע מעשים; נייערט צעשטערן זאָלסטו זיי צעשטערן, און צעברעכן זאָלסטו צעברעכן זייערע זיילשטיינער. 25 און איר זאָלט דינען יהוה אייער גאָט, און ער וועט בענטשן דיין ברויט און דיין וואַסער; און איך וועל אָפּטאָן קראַנקשאַפט פון צווישן דיר. 26 עס וועט ניט

תִּהְיֶה מְשַׁכֵּלָה וַעֲקָרָה בְּאַרְצֶךָ אֶת־מִסְפַּר יָמֶיךָ אֲמַלֵּא׃
כז אֶת־אֵימָתִי אֲשַׁלַּח לְפָנֶיךָ וְהַמֹּתִי אֶת־כָּל־הָעָם אֲשֶׁר
כח תָּבֹא בָּהֶם וְנָתַתִּי אֶת־כָּל־אֹיְבֶיךָ אֵלֶיךָ עֹרֶף׃ וְשָׁלַחְתִּי
אֶת־הַצִּרְעָה לְפָנֶיךָ וְגֵרְשָׁה אֶת־הַחִוִּי אֶת־הַכְּנַעֲנִי וְאֶת־
כט הַחִתִּי מִלְּפָנֶיךָ׃ לֹא אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ בְּשָׁנָה אֶחָת פֶּן
ל תִּהְיֶה הָאָרֶץ שְׁמָמָה וְרַבָּה עָלֶיךָ חַיַּת הַשָּׂדֶה׃ מְעַט
מְעַט אֲגָרְשֶׁנּוּ מִפָּנֶיךָ עַד אֲשֶׁר תִּפְרֶה וְנָחַלְתָּ אֶת־הָאָרֶץ׃
לא וְשַׁתִּי אֶת־גְּבֻלְךָ מִיַּם־סוּף וְעַד־יָם פְּלִשְׁתִּים וּמִמִּדְבָּר
עַד־הַנָּהָר כִּי ׀ אֶתֵּן בְּיֶדְכֶם אֵת יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ וְגֵרַשְׁתָּמוֹ
לב לג מִפָּנֶיךָ׃ לֹא־תִכְרֹת לָהֶם וְלֵאלֹהֵיהֶם בְּרִית׃ לֹא יֵשְׁבוּ
בְּאַרְצְךָ פֶּן־יַחֲטִיאוּ אֹתְךָ לִי כִּי תַעֲבֹד אֶת־אֱלֹהֵיהֶם כִּי־
יִהְיֶה לְךָ לְמוֹקֵשׁ׃ פ

כד

א וְאֶל־מֹשֶׁה אָמַר עֲלֵה אֶל־יְהוָה אַתָּה וְאַהֲרֹן נָדָב וַאֲבִיהוּא
ב וְשִׁבְעִים מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם מֵרָחֹק׃ וְנִגַּשׁ מֹשֶׁה
ג לְבַדּוֹ אֶל־יְהוָה וְהֵם לֹא יִגָּשׁוּ וְהָעָם לֹא יַעֲלוּ עִמּוֹ׃ וַיָּבֹא
מֹשֶׁה וַיְסַפֵּר לָעָם אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה וְאֵת כָּל־הַמִּשְׁפָּטִים
וַיַּעַן כָּל־הָעָם קוֹל אֶחָד וַיֹּאמְרוּ כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־דִּבֶּר
ד יְהוָה נַעֲשֶׂה׃ וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה וַיַּשְׁכֵּם
בַּבֹּקֶר וַיִּבֶן מִזְבֵּחַ תַּחַת הָהָר וּשְׁתֵּים עֶשְׂרֵה מַצֵּבָה
ה לִשְׁנֵים עָשָׂר שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁלַח אֶת־נַעֲרֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
ו וַיַּעֲלוּ עֹלֹת וַיִּזְבְּחוּ זְבָחִים שְׁלָמִים לַיהוָה פָּרִים׃ וַיִּקַּח
מֹשֶׁה חֲצִי הַדָּם וַיָּשֶׂם בָּאַגָּנֹת וַחֲצִי הַדָּם זָרַק עַל־
ז הַמִּזְבֵּחַ׃ וַיִּקַּח סֵפֶר הַבְּרִית וַיִּקְרָא בְּאָזְנֵי הָעָם וַיֹּאמְרוּ
ח כֹּל אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמָע׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־הַדָּם
וַיִּזְרֹק עַל־הָעָם וַיֹּאמֶר הִנֵּה דַם־הַבְּרִית אֲשֶׁר כָּרַת יְהוָה
ט עִמָּכֶם עַל כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיַּעַל מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן נָדָב
י וַאֲבִיהוּא וְשִׁבְעִים מִזִּקְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּרְאוּ אֵת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל

זיין אַ פֿאַרוואַרפֿערין אָדער אַן עקרה אין דיין לאַנד; די צאָל פֿון דיינע טעג וועל איך אויספֿילן. [27] מיין אימה וועל איך שיקן דיר פֿאַרויס, און וועל פֿאַרטומלען אַלדאָס פֿאָלק וואָס דו וועסט קומען צווישן זיי, און איך וועל קערן אַלע דיינע פֿיינט מיטן נאַקן צו דיר. [28] און איך וועל שיקן דיר פֿאַרויס די האָרנבין, און זי וועט פֿאַרטרייבן דעם חִוִי, דעם כּנַעֲני, און דעם חִתּי, פֿון פֿאַר דיר. [29] איך וועל זיי ניט פֿאַרטרייבן פֿון פֿאַר דיר אין איין יאָר, טאָמער וועט דאָס לאַנד ווערן אַ וויסטעניש, און עס וועט זיך מערן אויף דיר די חיה פֿון פֿעלד. [30] ביסלעכ־ביסלעכווייז וועל איך זיי פֿאַרטרייבן פֿון פֿאַר דיר, ביז וואַנען דו וועסט זיך פֿרוכפּערן, און וועסט אַרבן דאָס לאַנד. [31] און איך וועל מאַכן דיין געמאַרק פֿון ים־סוף און ביז דעם ים פֿון די פּלִשתּים, און פֿון מדבר ביזן טייך[א]; וואָרום איך וועל געבן אין אַייער האַנט די באַוווינער פֿון לאַנד, און וועסט זיי פֿאַרטרייבן פֿון פֿאַר דיר. [32] זאָלסט ניט שליסן אַ בונד זיי און זייערע געטער. [33] זיי זאָלן ניט זיצן אין דיין לאַנד, כּדי זיי זאָלן דיך ניט מאַכן זינדיקן צו מיר, אַז דו וועסט דינען זייערע געטער; וואָרום דאָס וועט דיר זיין פֿאַר אַ שטרויכלונג.

כד [1] און צו משהן האָט ער געזאָגט: גיי אַרויף צו גאָט, דו, און אַהרן, נָדָב, און אַביהוא, און זיבעציק פֿון די עלטסטע פֿון ישׂראל, און איר זאָלט זיך בוקן פֿון דער ווייטן. [2] און משה אַליין זאָל גענענען צו גאָט; אָבער זיי זאָלן ניט גענענען. און דאָס פֿאָלק זאָל ניט אַרויפֿגיין מיט אים.

[3] איז משה געקומען, און האָט דערציילט דעם פֿאָלק אַלע ווערטער פֿון גאָט, און אַלע געזעצן; און דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט געענטפֿערט מיט איין קול, און געזאָגט: אַלע ווערטער וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן.

[4] און משה האָט פֿאַרשריבן אַלע ווערטער פֿון גאָט, און ער האָט זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי, און האָט געבויט אַ מזבח אונטערן באַרג, און צוועלף זיילשטיינער אַקעגן די צוועלף שבטים פֿון ישׂראל. [5] און ער האָט געשיקט די יונגע לייט פֿון די קינדער פֿון ישׂראל, און זיי האָבן אויפֿגעבראַכט בראַנדאָפּפֿער און געשלאַכט אָקסן פֿרידאָפּפֿער צו גאָט. [6] און משה האָט גענומען העלפֿט פֿון דעם בלוט, און אַריינגעטאָן אין בעקנס, און העלפֿט פֿון דעם בלוט האָט ער גע־שפּרענגט אויפֿן מזבח. [7] און ער האָט גענומען דאָס בוך פֿון בונד, און געלייענט אין די אויערן פֿון פֿאָלק; און זיי האָבן געזאָגט: אַלץ וואָס גאָט האָט גערעדט וועלן מיר טאָן און געהאָרכן. [8] און משה האָט גענומען דאָס בלוט, און האָט געשפּרענגט אויפֿן פֿאָלק, און האָט געזאָגט: אָט איז דאָס בלוט פֿון דעם בונד וואָס גאָט האָט געשלאָסן מיט אַייך אויף אַלע דידאָזיקע ווערטער.

[9] און משה, און אַהרן, נָדָב, און אַביהוא, און זיבעציק פֿון די עלטסטע פֿון ישׂראל, זיינען אַרויפֿגעגאַנגען; [10] און זיי

[א] טייך פּרת.

וְתַחַת רַגְלָיו כְּמַעֲשֵׂה לִבְנַת הַסַּפִּיר וּכְעֶצֶם הַשָּׁמַיִם
לָטֹהַר׃ וְאֶל־אֲצִילֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁלַח יָדוֹ וַיֶּחֱזוּ אֶת־ יא
הָאֱלֹהִים וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה יב
עֲלֵה אֵלַי הָהָרָה וֶהְיֵה־שָׁם וְאֶתְּנָה לְךָ אֶת־לֻחֹת הָאֶבֶן
וְהַתּוֹרָה וְהַמִּצְוָה אֲשֶׁר כָּתַבְתִּי לְהוֹרֹתָם׃ וַיָּקָם מֹשֶׁה יג
וִיהוֹשֻׁעַ מְשָׁרְתוֹ וַיַּעַל מֹשֶׁה אֶל־הַר הָאֱלֹהִים׃ וְאֶל־ יד
הַזְּקֵנִים אָמַר שְׁבוּ־לָנוּ בָזֶה עַד אֲשֶׁר־נָשׁוּב אֲלֵיכֶם וְהִנֵּה
אַהֲרֹן וְחוּר עִמָּכֶם מִי־בַעַל דְּבָרִים יִגַּשׁ אֲלֵהֶם׃ וַיַּעַל מפ׳
מֹשֶׁה אֶל־הָהָר וַיְכַס הֶעָנָן אֶת־הָהָר׃ וַיִּשְׁכֹּן כְּבוֹד־יְהוָה טו
עַל־הַר סִינַי וַיְכַסֵּהוּ הֶעָנָן שֵׁשֶׁת יָמִים וַיִּקְרָא אֶל־מֹשֶׁה
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִתּוֹךְ הֶעָנָן׃ וּמַרְאֵה כְּבוֹד יְהוָה כְּאֵשׁ יז
אֹכֶלֶת בְּרֹאשׁ הָהָר לְעֵינֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבֹא מֹשֶׁה יח
בְּתוֹךְ הֶעָנָן וַיַּעַל אֶל־הָהָר וַיְהִי מֹשֶׁה בָּהָר אַרְבָּעִים יוֹם
וְאַרְבָּעִים לָיְלָה׃
פ

האָבן געזען דעם גאָט פון ישראל; און אונטער זיינע פיס איז געווען אַזוי ווי אַ פלאַסטערווערק פון סאַפירשטיין, און אַזוי ווי דער הימל אַליין אין לויטערקייט. [11] און אויף די אַדללייט פון די קינדער פון ישראל האָט ער ניט אויסגעשטרעקט זיין האַנט; און זיי האָבן געזען גאָט, און האָבן געגעסן און געטרונקען.

[12] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: קום אַרויף צו מיר אויפן באַרג, און זיי דאָרטן, און איך וועל דיר געבן די שטיינערנע לוחות מיט דער תורה און דעם געבאָט וואָס איך האָב אויפגעשריבן זיי צו לערנען.

[13] איז אויפגעשטאַנען משה, און זיין באַדינער יהושע, און משה איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג פון גאָט. [14] און צו די עלטסטע האָט ער געזאָגט: האַרט דאָ אויף אונדז, ביז וואַנען מיר וועלן זיך אומקערן צו אַייך. און אָט זיינען אַהרן און חור מיט אַייך; ווער עס האָט אַ משפט זאָל גענענען צו זיי.

[15] און משה איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג, און דער וואָלקן האָט צוגעדעקט דעם באַרג. [16] און די פּראַכט פון גאָט האָט גערוט אויפן באַרג סיני, און דער וואָלקן האָט אים אַיינגעדעקט זעקס טעג; און אויפן זיבעטן טאָג האָט ער גערופן צו משהן פון וואָלקן.

[17] און דאָס אויסזען פון גאָטס פּראַכט איז געווען אַזוי ווי אַ פאַרצערעדיק פייער אויפן שפיץ באַרג, פאַר די אויגן פון די קינדער פון ישראל. [18] און משה איז אַריינגעגאַנגען אין מיטן וואָלקן, און איז אַרויף אויפן באַרג; און משה איז געווען אויפן באַרג פערציק טעג און פערציק נעכט.

## תְּרוּמָה

כה

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל א ב
וְיִקְחוּ־לִי תְּרוּמָה מֵאֵת כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר יִדְּבֶנּוּ לִבּוֹ תִּקְחוּ
אֶת־תְּרוּמָתִי׃ וְזֹאת הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר תִּקְחוּ מֵאִתָּם זָהָב ג
וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת׃ וּתְכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ וְעִזִּים׃ ד
וְעֹרֹת אֵילִם מְאָדָּמִים וְעֹרֹת תְּחָשִׁים וַעֲצֵי שִׁטִּים׃ שֶׁמֶן ה ו
לַמָּאֹר בְּשָׂמִים לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְלִקְטֹרֶת הַסַּמִּים׃ אַבְנֵי־ ז
שֹׁהַם וְאַבְנֵי מִלֻּאִים לָאֵפֹד וְלַחֹשֶׁן׃ וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ ח
וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם׃ כְּכֹל אֲשֶׁר אֲנִי מַרְאֶה אוֹתְךָ אֵת תַּבְנִית ט
הַמִּשְׁכָּן וְאֵת תַּבְנִית כָּל־כֵּלָיו וְכֵן תַּעֲשׂוּ׃ ס וְעָשׂוּ י
אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים אַמָּתַיִם וָחֵצִי אָרְכּוֹ וְאַמָּה וָחֵצִי רָחְבּוֹ
וְאַמָּה וָחֵצִי קֹמָתוֹ׃ וְצִפִּיתָ אֹתוֹ זָהָב טָהוֹר מִבַּיִת וּמִחוּץ יא
תְּצַפֶּנּוּ וְעָשִׂיתָ עָלָיו זֵר זָהָב סָבִיב׃ וְיָצַקְתָּ לּוֹ אַרְבַּע יב

כה [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] רעד צו די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן נעמען פאַר מיר אַן אָפּשיידונג; פון יעטוועדער מאַן וואָס זיין האַרץ וועט אים באַווייליקן, זאָלט איר נעמען מיין אָפּשיידונג. [3] און דאָס איז די אָפּשיידונג וואָס איר זאָלט נעמען פון זיי: גאָלד, און זילבער, און קופּער; [4] און בלאָע וואָל, און פּורפּל, און ווערמילרויט, און ליינען, און ציגנהאָר; [5] און רויטגעפאַרבטע ווידערפעלן, און תחש־פעלן, און שטים־האָלץ; [6] אייל פאַר דער לייכטונג, בשמים פאַר דעם אייל פון זאַלבונג, און פאַר דעם ווייַרויך פון שמעקעדיקע געווירצן; [7] אָניקלשטיינער, און שטיינער צום אַיינפאַסן, פאַר דעם אֵפוד, און פאַר דעם חושן. [8] און זיי זאָלן מיר מאַכן אַ הייליקטום, אַז איך זאָל רוען צווישן זיי. [9] אַזוי ווי אַלץ וואָס איך ווייז דיר, די געשטאַלט פון דעם משכן, און די געשטאַלט פון אַלע זיינע כלים, אָט אַזוי זאָלט איר מאַכן.

[10] און זיי זאָלן מאַכן אַן אָרון פון שטים־האָלץ; צוויי איילן און אַ האַלב זיין לענג, און אַן אייל און אַ האַלב זיין ברייט, און אַן אייל און אַ האַלב זיין הייך. [11] און זאָלסט אים איבערציען מיט ריינעם גאָלד—פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק זאָלסטו אים איבערציען; און זאָלסט מאַכן אויף אים אַ גילדערנעם קראַנץ רונד אַרום. [12] און זאָלסט אויסגיסן פאַר אים

פיר גילדערנע רינגען, און אַרויפטאָן אויף זיינע פיר פיס; און צוויי רינגען זאָלן זיין אויף זיין איין זייט, און צוויי רינגען אויף זיין צווייטער זייט. 13 און זאָלסט מאַכן שטאַנגען פון שִׂטים־האָלץ, און זיי איבערציען מיט גאָלד. 14 און זאָלסט אַריינציען די שטאַנגען אין די רינגען ביי די זייטן פון אָרון, צו טראָגן אויף זיי דעם אָרון. 15 אין די רינגען פון אָרון זאָלן די שטאַנגען זיין, זיי זאָלן ניט אָפּגעטאָן ווערן פון אים. 16 און זאָלסט אַריינטאָן אין דעם אָרון דאָס געזעץ וואָס איך וועל דיר געבן.

17 און זאָלסט מאַכן אַ דעק פון ריינעם גאָלד; צוויי איילן און אַ האַלב זיין לענג, און אַן איל און אַ האַלב זיין ברייט. 18 און זאָלסט מאַכן צוויי גילדערנע כּרובים; געהאַמערט זאָלסטו זיי מאַכן, ביי ביידע עקן פון דעק. 19 און מאַך איין כּרוב ביים עק פון דער זייט, און איין כּרוב ביים עק פון דער אַנדער זייט; פון דעם דעק גופא זאָלט איר מאַכן די כּרובים ביי זיינע ביידע עקן. 20 און די כּרובים זאָלן אויסשפּרייטן די פליגלען צו דער הייך, שירעמענדיק מיט זייערע פליגלען איבער דעם דעק, מיט זייערע פּנימער איינער אַקעגן אַנדערן; צום דעק צו זאָלן זיין די פּנימער פון די כּרובים. 21 און זאָלסט אַרויפטאָן דעם דעק אויבן אויפן אָרון; און אין דעם אָרון זאָלסטו אַריינטאָן דאָס געזעץ וואָס איך וועל דיר געבן.

טַבְּעֹת זָהָב וְנָתַתָּה עַל אַרְבַּע פַּעֲמֹתָיו וּשְׁתֵּי טַבָּעֹת עַל־
יג צַלְעוֹ הָאֶחָת וּשְׁתֵּי טַבָּעֹת עַל־צַלְעוֹ הַשֵּׁנִית: וְעָשִׂיתָ בַדֵּי
יד עֲצֵי שִׁטִּים וְצִפִּיתָ אֹתָם זָהָב: וְהֵבֵאתָ אֶת־הַבַּדִּים בַּטַּבָּעֹת
טו עַל צַלְעֹת הָאָרֹן לָשֵׂאת אֶת־הָאָרֹן בָּהֶם: בְּטַבְּעֹת הָאָרֹן
טז יִהְיוּ הַבַּדִּים לֹא יָסֻרוּ מִמֶּנּוּ: וְנָתַתָּ אֶל־הָאָרֹן אֵת הָעֵדֻת
שני אֲשֶׁר אֶתֵּן אֵלֶיךָ: וְעָשִׂיתָ כַפֹּרֶת זָהָב טָהוֹר אַמָּתַיִם וָחֵצִי
יח אָרְכָּהּ וְאַמָּה וָחֵצִי רָחְבָּהּ: וְעָשִׂיתָ שְׁנַיִם כְּרֻבִים זָהָב
יט מִקְשָׁה תַּעֲשֶׂה אֹתָם מִשְּׁנֵי קְצוֹת הַכַּפֹּרֶת: וַעֲשֵׂה כְּרוּב
אֶחָד מִקָּצָה מִזֶּה וּכְרוּב־אֶחָד מִקָּצָה מִזֶּה מִן־הַכַּפֹּרֶת
כ תַּעֲשׂוּ אֶת־הַכְּרֻבִים עַל־שְׁנֵי קְצוֹתָיו: וְהָיוּ הַכְּרֻבִים
פֹּרְשֵׂי כְנָפַיִם לְמַעְלָה סֹכְכִים בְּכַנְפֵיהֶם עַל־הַכַּפֹּרֶת
וּפְנֵיהֶם אִישׁ אֶל־אָחִיו אֶל־הַכַּפֹּרֶת יִהְיוּ פְּנֵי הַכְּרֻבִים:
כא וְנָתַתָּ אֶת־הַכַּפֹּרֶת עַל־הָאָרֹן מִלְמָעְלָה וְאֶל־הָאָרֹן תִּתֵּן
כב אֶת־הָעֵדֻת אֲשֶׁר אֶתֵּן אֵלֶיךָ: וְנוֹעַדְתִּי לְךָ שָׁם וְדִבַּרְתִּי
אִתְּךָ מֵעַל הַכַּפֹּרֶת מִבֵּין שְׁנֵי הַכְּרֻבִים אֲשֶׁר עַל־אֲרוֹן
הָעֵדֻת אֵת כָּל־אֲשֶׁר אֲצַוֶּה אוֹתְךָ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: פ
כג וְעָשִׂיתָ שֻׁלְחָן עֲצֵי שִׁטִּים אַמָּתַיִם אָרְכּוֹ וְאַמָּה רָחְבּוֹ וְאַמָּה
כד וָחֵצִי קֹמָתוֹ: וְצִפִּיתָ אֹתוֹ זָהָב טָהוֹר וְעָשִׂיתָ לּוֹ זֵר זָהָב
כה סָבִיב: וְעָשִׂיתָ לּוֹ מִסְגֶּרֶת טֹפַח סָבִיב וְעָשִׂיתָ זֵר־זָהָב
כו לְמִסְגַּרְתּוֹ סָבִיב: וְעָשִׂיתָ לּוֹ אַרְבַּע טַבְּעֹת זָהָב וְנָתַתָּ
אֶת־הַטַּבָּעֹת עַל אַרְבַּע הַפֵּאֹת אֲשֶׁר לְאַרְבַּע רַגְלָיו: לְעֻמַּת
כז הַמִּסְגֶּרֶת תִּהְיֶיןָ הַטַּבָּעֹת לְבָתִּים לְבַדִּים לָשֵׂאת אֶת־
כח הַשֻּׁלְחָן: וְעָשִׂיתָ אֶת־הַבַּדִּים עֲצֵי שִׁטִּים וְצִפִּיתָ אֹתָם
כט זָהָב וְנִשָּׂא־בָם אֶת־הַשֻּׁלְחָן: וְעָשִׂיתָ קְּעָרֹתָיו וְכַפֹּתָיו
וּקְשׂוֹתָיו וּמְנַקִּיֹּתָיו אֲשֶׁר יֻסַּךְ בָּהֵן זָהָב טָהוֹר תַּעֲשֶׂה אֹתָם:
ל וְנָתַתָּ עַל־הַשֻּׁלְחָן לֶחֶם פָּנִים לְפָנַי תָּמִיד: פ
שלי וְעָשִׂיתָ מְנֹרַת זָהָב טָהוֹר מִקְשָׁה תֵּיעָשֶׂה הַמְּנוֹרָה יְרֵכָהּ

כט׳ ק דגושה   לא׳ מלא יוד

22 און איך וועל זיך דאָרטן אַנטפּלעקן צו דיר, און וועל רעדן מיט דיר פון איבערן דעק, פון צווישן די צוויי כּרובים וואָס איבער דעם אָרון פון געזעץ, אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפעלן פאַר די קינדער פון ישׂראל.

23 און זאָלסט מאַכן אַ טיש פון שִׂטים־האָלץ; צוויי איילן זיין לענג, און אַן איל זיין ברייט, און אַן איל און אַ האַלב זיין הייך. 24 און זאָלסט אים איבערציען מיט ריינעם גאָלד, און מאַכן צו אים אַ גילדערנעם קראַנץ רונד אַרום. 25 און זאָלסט מאַכן צו אים אַ לייסט פון אַ האַנטברייט רונד אַרום, און מאַכן אַ גילדערנעם קראַנץ צו זיין לייסט רונד אַרום. 26 און זאָלסט מאַכן פאַר אים פיר גילדערנע רינגען, און אַרויפטאָן די רינגען אויף די פיר ווינקלען וואָס אויף זיינע פיר פיס. 27 לעבן דעם לייסט זאָלן זיין די רינגען, פאַר אויערן פאַר די שטאַנגען צו טראָגן דעם טיש. 28 און זאָלסט מאַכן די שטאַנגען פון שִׂטים־האָלץ, און זיי איבערציען מיט גאָלד; און דער טיש זאָל געטראָגן ווערן אויף זיי. 29 און זאָלסט מאַכן זיינע שיסלען, און זיינע שאָלן, און זיינע קאַנען, און זיינע בעכערס, וואָס מיט זיי ווערט געגאָסן; פון ריינעם גאָלד זאָלסטו זיי מאַכן. 30 און זאָלסט אַרויפטאָן אויפן טיש דאָס ברויט פון אָנגעזיכט פאַר מיר תּמיד.

31 און זאָלסט מאַכן אַ מנורה פון ריינעם גאָלד; געהאַמערט זאָל די מנורה געמאַכט ווערן, איר פוסגעשטעל,

וְקָנָהּ גְּבִיעֶיהָ כַּפְתֹּרֶיהָ וּפְרָחֶיהָ מִמֶּנָּה יִהְיוּ׃ וְשִׁשָּׁה לב
קָנִים יֹצְאִים מִצִּדֶּיהָ שְׁלֹשָׁה ׀ קְנֵי מְנֹרָה מִצִּדָּהּ הָאֶחָד
וּשְׁלֹשָׁה קְנֵי מְנֹרָה מִצִּדָּהּ הַשֵּׁנִי׃ שְׁלֹשָׁה גְבִעִים מְשֻׁקָּדִים לג
בַּקָּנֶה הָאֶחָד כַּפְתֹּר וָפֶרַח וּשְׁלֹשָׁה גְבִעִים מְשֻׁקָּדִים
בַּקָּנֶה הָאֶחָד כַּפְתֹּר וָפָרַח כֵּן לְשֵׁשֶׁת הַקָּנִים הַיֹּצְאִים
מִן־הַמְּנֹרָה׃ וּבַמְּנֹרָה אַרְבָּעָה גְבִעִים מְשֻׁקָּדִים כַּפְתֹּרֶיהָ לד
וּפְרָחֶיהָ׃ וְכַפְתֹּר תַּחַת שְׁנֵי הַקָּנִים מִמֶּנָּה וְכַפְתֹּר תַּחַת לה
שְׁנֵי הַקָּנִים מִמֶּנָּה וְכַפְתֹּר תַּחַת־שְׁנֵי הַקָּנִים מִמֶּנָּה לְשֵׁשֶׁת
הַקָּנִים הַיֹּצְאִים מִן־הַמְּנֹרָה׃ כַּפְתֹּרֵיהֶם וּקְנֹתָם מִמֶּנָּה לו
יִהְיוּ כֻּלָּהּ מִקְשָׁה אַחַת זָהָב טָהוֹר׃ וְעָשִׂיתָ אֶת־נֵרֹתֶיהָ לז
שִׁבְעָה וְהֶעֱלָה אֶת־נֵרֹתֶיהָ וְהֵאִיר עַל־עֵבֶר פָּנֶיהָ׃ וּמַלְקָחֶיהָ לח
וּמַחְתֹּתֶיהָ זָהָב טָהוֹר׃ כִּכָּר זָהָב טָהוֹר יַעֲשֶׂה אֹתָהּ אֵת לט
כָּל־הַכֵּלִים הָאֵלֶּה׃ וּרְאֵה וַעֲשֵׂה בְּתַבְנִיתָם אֲשֶׁר־אַתָּה מ
מָרְאֶה בָּהָר׃ ס

כו

וְאֶת־הַמִּשְׁכָּן תַּעֲשֶׂה עֶשֶׂר יְרִיעֹת שֵׁשׁ מָשְׁזָר וּתְכֵלֶת א
וְאַרְגָּמָן וְתֹלַעַת שָׁנִי כְּרֻבִים מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב תַּעֲשֶׂה אֹתָם׃
אֹרֶךְ ׀ הַיְרִיעָה הָאַחַת שְׁמֹנֶה וְעֶשְׂרִים בָּאַמָּה וְרֹחַב ב
אַרְבַּע בָּאַמָּה הַיְרִיעָה הָאֶחָת מִדָּה אַחַת לְכָל־הַיְרִיעֹת׃
חֲמֵשׁ הַיְרִיעֹת תִּהְיֶיןָ חֹבְרֹת אִשָּׁה אֶל־אֲחֹתָהּ וְחָמֵשׁ יְרִיעֹת ג
חֹבְרֹת אִשָּׁה אֶל־אֲחֹתָהּ׃ וְעָשִׂיתָ לֻלְאֹת תְּכֵלֶת עַל שְׂפַת ד
הַיְרִיעָה הָאֶחָת מִקָּצָה בַּחֹבָרֶת וְכֵן תַּעֲשֶׂה בִּשְׂפַת הַיְרִיעָה
הַקִּיצוֹנָה בַּמַּחְבֶּרֶת הַשֵּׁנִית׃ חֲמִשִּׁים לֻלָאֹת תַּעֲשֶׂה ה
בַּיְרִיעָה הָאֶחָת וַחֲמִשִּׁים לֻלָאֹת תַּעֲשֶׂה בִּקְצֵה הַיְרִיעָה
אֲשֶׁר בַּמַּחְבֶּרֶת הַשֵּׁנִית מַקְבִּילֹת הַלֻּלָאֹת אִשָּׁה אֶל־
אֲחֹתָהּ׃ וְעָשִׂיתָ חֲמִשִּׁים קַרְסֵי זָהָב וְחִבַּרְתָּ אֶת־הַיְרִיעֹת ו
אִשָּׁה אֶל־אֲחֹתָהּ בַּקְּרָסִים וְהָיָה הַמִּשְׁכָּן אֶחָד׃ וְעָשִׂיתָ ז

---

כה, לט׳ סבירין תעשה

און איר שטאַם; אירע בעכערלעך—אירע קנעפּ און אירע בלומען—זאָלן זיין פון איר גופא. [32] און זעקס רערן זאָלן אַרויסגיין פון אירע זייטן, דריי רערן פון דער מנורה פון איר איין זייט, און דריי רערן פון דער מנורה פון איר צווייטער זייט. [33] דריי מאַנדלקווייטיקע בעכערלעך פון אַ קנאָפּ און אַ בלום אויף איין רער, און דריי מאַנדל־קווייטיקע בעכערלעך פון אַ קנאָפּ און אַ בלום אויפן אַנדער רער; אַזוי פאַר די זעקס רערן, וואָס גייען אַרויס פון דער מנורה. [34] און אויף דער מנורה פיר מאַנדל־קווייטיקע בעכערלעך—אירע קנעפּ און אירע בלומען. [35] און אַ קנאָפּ אונטער צוויי רערן פון איר, און אַ קנאָפּ אונטער צוויי רערן פון איר, און אַ קנאָפּ אונטער צוויי רערן פון איר, פאַר די זעקס רערן וואָס גייען אַרויס פון דער מנורה. [36] זייערע קנעפּ און זייערע רערן זאָלן זיין פון איר גופא, אין גאַנצן איין אויסהאַמערונג פון ריינעם גאָלד. [37] און זאָלסט מאַכן צו איר זיבן רערלעך, און מע זאָל אָנצינדן אירע רערלעך, און מאַכן לייכטן צו איר פאָדערזייט צו. [38] און אירע צווענגלעך און אירע אַש־פענדלעך זאָלן זיין פון ריינעם גאָלד. [39] פון אַ צענטנער ריינעם גאָלד זאָל מען זי מאַכן מיט אַלע דידאָזיקע כלים. [40] און זע זאָלסט מאַכן לויט זייער געשטאַלט, וואָס דיר ווערט געוויזן אויפן באַרג.

**כו** [1] און דעם משכן זאָלסטו מאַכן פון צען פאָרהאַנגען; פון געדרייטן ליינען, און בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, מיט כרובים קונציק אויסגעאַרבעט זאָלסטו זיי מאַכן. [2] די לענג פון איטלעכן פאָרהאַנג אַכט און צוואַנציק איילן, און די ברייט פון איטלעכן פאָרהאַנג פיר איילן; איין מאָס פאַר אַלע פאָרהאַנגען. [3] פינף פאָר־האַנגען זאָלן זיין באַהעפט איינער אָן אַנדערן, און ווידער פינף פאָרהאַנגען באַהעפט איינער אָן אַנדערן. [4] און זאָלסט מאַכן שלייפן פון בלאָער וואָל אויף דעם זוים פון איין פאָרהאַנג ביים עק פון איין באַהעפטונג, און אַזוי זאָלסטו מאַכן אויף דעם זוים פון דעם עקסטן פאָרהאַנג אין דער צווייטער באַהעפטונג. [5] פופציק שלייפן זאָלסטו מאַכן אויף דעם איין פאָרהאַנג, און פופציק שלייפן זאָלסטו מאַכן אויף דעם ברעג פון דעם פאָרהאַנג וואָס אין דער צווייטער באַ־העפטונג; איינער קעגן אַנדערן זאָלן די שלייפן זיין. [6] און זאָלסט מאַכן פופציק גילדערנע האָקן, און באַהעפטן די פאָרהאַנגען איינעם צום אַנדערן מיט די האָקן, אַז דער משכן זאָל זיין איינס.

7 און זאָלסט מאַכן פאָרהאַנגען פון ציגנהאָר פאַר אַ געצעלט איבערן מִשכּן; עלף פאָרהאַנגען זאָלסטו זיי מאַכן. 8 די לענג פון איטלעכן פאָרהאַנג דרייסיק איילן, און די ברייט פון איטלעכן פאָרהאַנג פיר איילן; איין מאָס פאַר די עלף פאָרהאַנגען. 9 און זאָלסט באַהעפטן פינף פאָרהאַנגען באַזונדער, און זעקס פאָרהאַנגען באַזונדער; און דעם זעקסטן פאָרהאַנג זאָלסטו צונויפּ־טאָפּלען אויף דער פאָדערזייט פון געצעלט. 10 און זאָלסט מאַכן פופציק שלייפן אויף דעם זוים פון איין פאָרהאַנג, דעם עקסטן אין דער באַהעפטונג, און פופציק שלייפן אויף דעם זוים פון דעם פאָרהאַנג אין דער צווייטער באַהעפטונג. 11 און זאָלסט מאַכן פופציק קופּערנע האָקן, און אַריינטאָן די האָקן אין די שלייפן, און באַהעפטן דאָס געצעלט, אַז עס זאָל זיין איינס. 12 און דער אַריבערהאַנג וואָס בלייבט פון די פאָרהאַנגען פון געצעלט, דער איבעריקער האַלבער פאָרהאַנג, זאָל אַראָפּהענגען אויף דער הינטערשטער זייט פון מִשכּן. 13 און די איל פון דער זייט, און די איל פון דער אַנדער זייט, וואָס בלייבט איבער פון דער לענג פון די פאָרהאַנ־גען פון געצעלט, זאָל אַראָפּהענגען אויף די זייטן פון מִשכּן, פון דער זייט און פון דער אַנדער זייט, אים צו פאַרדעקן.

14 און זאָלסט מאַכן אַ צודעק פאַר דעם געצעלט פון רויט־געפאַרבטע ווידערפעלן, און אַ צודעק פון תַּחש־פעלן פון אויבן.

15 און זאָלסט מאַכן די ברעטער צום מִשכּן פון שִטים־האָלץ, שטייענדיק. 16 צען איילן די לענג פון אַ ברעט, און אַן איל און אַ האַלבע איל די ברייט פון איטלעכן ברעט. 17 צוויי צאַפּנס צו איטלעכן ברעט, איינער קעגן אַנדערן אַזוי ווי שטאַפּלען; אַזוי זאָלסטו מאַכן צו אַלע ברעטער פון מִשכּן. 18 און זאָלסט מאַכן די ברעטער צום מִשכּן, צוואַנציק ברעטער פאַר דער דָרום־זייט צו דָרום. 19 און פערציק זילבערנע שוועלן זאָלסטו מאַכן אונטער די צוואַנציק ברעטער; צו צוויי שוועלן אונטער איין ברעט פאַר זיינע צוויי צאַפּנס, צו צוויי שוועלן אונטער איין ברעט פאַר זיינע צוויי צאַפּנס. 20 און פאַר דער צווייטער זייט פון מִשכּן, פאַר דער צפון־זייט, צוואַנציק ברעטער, 21 מיט פערציק זילבערנע שוועלן צו זיי: צוויי שוועלן אונטער איין ברעט, צוויי שוועלן אונטער איין ברעט. 22 און פאַר דער הינטערשטער זייט פון מִשכּן צו מערב, זאָלסטו מאַכן זעקס ברעטער. 23 און צוויי ברעטער זאָלסטו מאַכן פאַר די ווינקלען פון מִשכּן, אויף דער הינטערשטער זייט. 24 און זיי זאָלן זיין אַריינגעפּאַסט אונטן, און דעסגלייכן זאָלן זיי זיין אַריינגעפּאַסט אויבן ביז צום ערשטן רינג; אַזוי זאָל זיין ביי

יְרִיעֹת עִזִּים לְאֹהֶל עַל־הַמִּשְׁכָּן עַשְׁתֵּי־עֶשְׂרֵה יְרִיעֹת
ח תַּעֲשֶׂה אֹתָם׃ אֹרֶךְ ׀ הַיְרִיעָה הָאַחַת שְׁלֹשִׁים בָּאַמָּה
וְרֹחַב אַרְבַּע בָּאַמָּה הַיְרִיעָה הָאֶחָת מִדָּה אַחַת לְעַשְׁתֵּי
ט עֶשְׂרֵה יְרִיעֹת׃ וְחִבַּרְתָּ אֶת־חֲמֵשׁ הַיְרִיעֹת לְבָד וְאֶת־
שֵׁשׁ הַיְרִיעֹת לְבָד וְכָפַלְתָּ אֶת־הַיְרִיעָה הַשִּׁשִּׁית אֶל־מוּל
י פְּנֵי הָאֹהֶל׃ וְעָשִׂיתָ חֲמִשִּׁים לֻלָאֹת עַל שְׂפַת הַיְרִיעָה
הָאֶחָת הַקִּיצֹנָה בַּחֹבָרֶת וַחֲמִשִּׁים לֻלָאֹת עַל שְׂפַת
יא הַיְרִיעָה הַחֹבֶרֶת הַשֵּׁנִית׃ וְעָשִׂיתָ קַרְסֵי נְחֹשֶׁת חֲמִשִּׁים
וְהֵבֵאתָ אֶת־הַקְּרָסִים בַּלֻּלָאֹת וְחִבַּרְתָּ אֶת־הָאֹהֶל וְהָיָה
יב אֶחָד׃ וְסֶרַח הָעֹדֵף בִּירִיעֹת הָאֹהֶל חֲצִי הַיְרִיעָה הָעֹדֶפֶת
יג תִּסְרַח עַל אֲחֹרֵי הַמִּשְׁכָּן׃ וְהָאַמָּה מִזֶּה וְהָאַמָּה מִזֶּה
בָּעֹדֵף בְּאֹרֶךְ יְרִיעֹת הָאֹהֶל יִהְיֶה סָרוּחַ עַל־צִדֵּי הַמִּשְׁכָּן
יד מִזֶּה וּמִזֶּה לְכַסֹּתוֹ׃ וְעָשִׂיתָ מִכְסֶה לָאֹהֶל עֹרֹת אֵילִם
מְאָדָּמִים וּמִכְסֵה עֹרֹת תְּחָשִׁים מִלְמָעְלָה׃ פ
רב׳ טו וְעָשִׂיתָ אֶת־הַקְּרָשִׁים לַמִּשְׁכָּן עֲצֵי שִׁטִּים עֹמְדִים׃ עֶשֶׂר
אַמּוֹת אֹרֶךְ הַקָּרֶשׁ וְאַמָּה וַחֲצִי הָאַמָּה רֹחַב הַקֶּרֶשׁ
יז הָאֶחָד׃ שְׁתֵּי יָדוֹת לַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד מְשֻׁלָּבֹת אִשָּׁה אֶל־
יח אֲחֹתָהּ כֵּן תַּעֲשֶׂה לְכֹל קַרְשֵׁי הַמִּשְׁכָּן׃ וְעָשִׂיתָ אֶת־הַקְּרָשִׁים
יט לַמִּשְׁכָּן עֶשְׂרִים קֶרֶשׁ לִפְאַת נֶגְבָּה תֵימָנָה׃ וְאַרְבָּעִים
אַדְנֵי־כֶסֶף תַּעֲשֶׂה תַּחַת עֶשְׂרִים הַקָּרֶשׁ שְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת־
הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד לִשְׁתֵּי יְדֹתָיו וּשְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת־הַקֶּרֶשׁ
כ הָאֶחָד לִשְׁתֵּי יְדֹתָיו׃ וּלְצֶלַע הַמִּשְׁכָּן הַשֵּׁנִית לִפְאַת צָפוֹן
כא עֶשְׂרִים קָרֶשׁ׃ וְאַרְבָּעִים אַדְנֵיהֶם כָּסֶף שְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת
כב הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד וּשְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד׃ וּלְיַרְכְּתֵי
כג הַמִּשְׁכָּן יָמָּה תַּעֲשֶׂה שִׁשָּׁה קְרָשִׁים׃ וּשְׁנֵי קְרָשִׁים תַּעֲשֶׂה
כד לִמְקֻצְעֹת הַמִּשְׁכָּן בַּיַּרְכָתָיִם׃ וְיִהְיוּ תֹאֲמִם מִלְּמַטָּה וְיַחְדָּו
יִהְיוּ תַמִּים עַל־רֹאשׁוֹ אֶל־הַטַּבַּעַת הָאֶחָת כֵּן יִהְיֶה

ט׳ קמץ בז״ק

לְשְׁנֵיהֶם לִשְׁנֵי הַמִּקְצֹעֹת יִהְיוּ׃ וְהָיוּ שְׁמֹנָה קְרָשִׁים כה
וְאַדְנֵיהֶם כֶּסֶף שִׁשָּׁה עָשָׂר אֲדָנִים שְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת
הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד וּשְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד׃ וְעָשִׂיתָ כו
בְרִיחִם עֲצֵי שִׁטִּים חֲמִשָּׁה לְקַרְשֵׁי צֶלַע־הַמִּשְׁכָּן הָאֶחָד׃
וַחֲמִשָּׁה בְרִיחִם לְקַרְשֵׁי צֶלַע־הַמִּשְׁכָּן הַשֵּׁנִית וַחֲמִשָּׁה כז
בְרִיחִם לְקַרְשֵׁי צֶלַע הַמִּשְׁכָּן לַיַּרְכָתַיִם יָמָּה׃ וְהַבְּרִיחַ כח
הַתִּיכֹן בְּתוֹךְ הַקְּרָשִׁים מַבְרִחַ מִן־הַקָּצֶה אֶל־הַקָּצֶה׃
וְאֶת־הַקְּרָשִׁים תְּצַפֶּה זָהָב וְאֶת־טַבְּעֹתֵיהֶם תַּעֲשֶׂה זָהָב כט
בָּתִּים לַבְּרִיחִם וְצִפִּיתָ אֶת־הַבְּרִיחִם זָהָב׃ וַהֲקֵמֹתָ אֶת־ ל
הַמִּשְׁכָּן כְּמִשְׁפָּטוֹ אֲשֶׁר הָרְאֵיתָ בָּהָר׃ ס וְעָשִׂיתָ חמ׳
פָרֹכֶת תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר מַעֲשֵׂה
חֹשֵׁב יַעֲשֶׂה אֹתָהּ כְּרֻבִים׃ וְנָתַתָּה אֹתָהּ עַל־אַרְבָּעָה לב
עַמּוּדֵי שִׁטִּים מְצֻפִּים זָהָב וָוֵיהֶם זָהָב עַל־אַרְבָּעָה אַדְנֵי־
כָסֶף׃ וְנָתַתָּה אֶת־הַפָּרֹכֶת תַּחַת הַקְּרָסִים וְהֵבֵאתָ שָׁמָּה לג
מִבֵּית לַפָּרֹכֶת אֵת אֲרוֹן הָעֵדוּת וְהִבְדִּילָה הַפָּרֹכֶת לָכֶם
בֵּין הַקֹּדֶשׁ וּבֵין קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים׃ וְנָתַתָּ אֶת־הַכַּפֹּרֶת עַל לד
אֲרוֹן הָעֵדֻת בְּקֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים׃ וְשַׂמְתָּ אֶת־הַשֻּׁלְחָן מִחוּץ לה
לַפָּרֹכֶת וְאֶת־הַמְּנֹרָה נֹכַח הַשֻּׁלְחָן עַל צֶלַע הַמִּשְׁכָּן תֵּימָנָה
וְהַשֻּׁלְחָן תִּתֵּן עַל־צֶלַע צָפוֹן׃ וְעָשִׂיתָ מָסָךְ לְפֶתַח הָאֹהֶל לו
תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר מַעֲשֵׂה רֹקֵם׃
וְעָשִׂיתָ לַמָּסָךְ חֲמִשָּׁה עַמּוּדֵי שִׁטִּים וְצִפִּיתָ אֹתָם זָהָב וָוֵיהֶם לז
זָהָב וְיָצַקְתָּ לָהֶם חֲמִשָּׁה אַדְנֵי נְחֹשֶׁת׃ ס

כז

וְעָשִׂיתָ אֶת־הַמִּזְבֵּחַ עֲצֵי שִׁטִּים חָמֵשׁ אַמּוֹת אֹרֶךְ וְחָמֵשׁ ששי
אַמּוֹת רֹחַב רָבוּעַ יִהְיֶה הַמִּזְבֵּחַ וְשָׁלֹשׁ אַמּוֹת קֹמָתוֹ׃
וְעָשִׂיתָ קַרְנֹתָיו עַל אַרְבַּע פִּנֹּתָיו מִמֶּנּוּ תִּהְיֶיןָ קַרְנֹתָיו ב
וְצִפִּיתָ אֹתוֹ נְחֹשֶׁת׃ וְעָשִׂיתָ סִּירֹתָיו לְדַשְּׁנוֹ וְיָעָיו וּמִזְרְקֹתָיו ג

כו, לא׳ סבירין תעשה לג׳ מלרע כז, ג׳ הס׳ דגושה

זײ בײדן; זײ זאָלן זײן פאַר די צװײ װינקלען. [25] און עס װעלן זײן אַכט ברעטער מיט זײערע זילבערנע שװעלן— זעכצן שװעלן: צװײ שװעלן אונטער אײן ברעט, צװײ שװעלן אונטער אײן ברעט. [26] און זאָלסט מאַכן ריגלען פון שִׁטים־האָלץ; פינף פאַר די ברעטער פון אײן זײט מִשכּן; [27] און פינף ריגלען פאַר די ברעטער פון דער צװײטער זײט מִשכּן, און פינף ריגלען פאַר די ברעטער פון דער הינטערשטער זײט מִשכּן, צו מערב; [28] און דעם מיטלסטן ריגל אין מיטן פון די ברעטער, װאָס זאָל דורכ־ריגלען פון עק צו עק. [29] און די ברעטער זאָלסטו איבערציִען מיט גאָלד, און מאַכן צו זײ רינגען פון גאָלד, אױערן פאַר די ריגלען; און זאָלסט איבערציִען די ריגלען מיט גאָלד. [30] און זאָלסט אױפשטעלן דעם מִשכּן אַזױ װי זײן אָפּמעל װאָס איז דיר באַװיזן געװאָרן אױפן באַרג.

[31] און זאָלסט מאַכן אַ פָּרוֹכֶת פון בלאָער װאָל, און פורפּל, און װערמילרױט, און געדרײטן לײַנען; קונציק אױסגעאַרבעט, מיט כּרובים זאָל מען אים מאַכן. [32] און זאָלסט אים אַרױפטאָן אױף פיר זײלן פון שִׁטים־האָלץ איבערגעצױגן מיט גאָלד, מיט זײערע העקלעך פון גאָלד, אױף פיר זילבערנע שװעלן. [33] און זאָלסט אַרױפטאָן דעם פָּרוֹכֶת אונטער די האָקן; און זאָלסט אַרײַנברענגען אַהין, אינעװײניק פון פָּרוֹכֶת, דעם אָרון פון געזעץ; און דער פָּרוֹכֶת װעט אײַך אָפּשײדן צװישן דעם הײליקטום און דעם קָדשי־קָדשים. [34] און זאָלסט אַרױפטאָן דעם דעק אױף דעם אָרון פון געזעץ, אין קָדשי־קָדשים. [35] און זאָלסט אַװעקשטעלן דעם טיש דרױסן פון פָּרוֹכֶת, און די מנורה אַקעגן דעם טיש, אין דָרום־זײט מִשכּן; און דעם טיש זאָלסטו שטעלן אין צפון־זײט. [36] און זאָלסט מאַכן אַ פאַרהאַנג צום אײַנגאַנג פון געצעלט, פון בלאָער װאָל, און פורפּל, און װערמילרױט, און געדרײטן לײַנען, געשטיקטע אַרבעט. [37] און זאָלסט מאַכן צום פאַרהאַנג פינף זײלן פון שִׁטים־האָלץ, און זײ איבערציִען מיט גאָלד; זײערע העקלעך פון גאָלד; און זאָלסט אױסגיסן פאַר זײ פינף קופּערנע שװעלן.

כז [1] און זאָלסט מאַכן דעם מזבח פון שִׁטים־האָלץ, פינף אײלן די לענג, און פינף אײלן די ברײט; פיר־עקעכדיק זאָל דער מזבח זײן, און דרײַ אײלן זײן הײך. [2] און זאָלסט מאַכן זײנע הערנער אױף זײנע פיר װינקלען; פון אים גופא זאָלן זײן זײנע הערנער; און זאָלסט אים איבערציִען מיט קופּער. [3] און זאָלסט מאַכן זײנע טעפּ אױף אַװעקנעמען זײנע אַש, און זײנע שופלען, און זײנע שפּרענגבעקנס, און זײנע

ד ומכלתיו ומחתתיו לכל־כליו תעשה נחשת: ועשית
לו מכבר מעשה רשת נחשת ועשית על־הרשת ארבע
ה טבעת נחשת על ארבע קצותיו: ונתתה אתה תחת
כרכב המזבח מלמטה והיתה הרשת עד חצי המזבח:
ו ועשית בדים למזבח בדי עצי שטים וצפית אתם נחשת:
ז והובא את־בדיו בטבעת והיו הבדים על־שתי צלעת
ח המזבח בשאת אתו: נבוב לחת תעשה אתו כאשר
שב' הראה אתך בהר כן יעשו: ס ועשית את חצר
ט המשכן לפאת נגב־תימנה קלעים לחצר שש משזר
י מאה באמה ארך לפאה האחת: ועמדיו עשרים ואדניהם
יא עשרים נחשת ווי העמדים וחשקיהם כסף: וכן לפאת
צפון בארך קלעים מאה ארך ועמדו עשרים ואדניהם
יב עשרים נחשת ווי העמדים וחשקיהם כסף: ורחב החצר
לפאת־ים קלעים חמשים אמה עמדיהם עשרה ואדניהם
יג עשרה: ורחב החצר לפאת קדמה מזרחה חמשים
יד אמה: וחמש עשרה אמה קלעים לכתף עמדיהם
טו שלשה ואדניהם שלשה: ולכתף השנית חמש עשרה
טז קלעים עמדיהם שלשה ואדניהם שלשה: ולשער החצר
מסך | עשרים אמה תכלת וארגמן ותולעת שני ושש
משזר מעשה רקם עמדיהם ארבעה ואדניהם ארבעה:
מפ' כל־עמודי החצר סביב מחשקים כסף וויהם כסף
יח ואדניהם נחשת: ארך החצר מאה באמה ורחב | חמשים
בחמשים וקמה חמש אמות שש משזר ואדניהם נחשת:
יט לכל כלי המשכן בכל עבדתו וכל־יתדתיו וכל־יתדת
החצר נחשת: ס

גאָפּלען און זיינע פייערפאַנען; אַלע זיינע כלים זאָלסטו מאַכן פון קופּער. 4 און זאָלסט מאַכן צו אים אַ קופּערנע זיפּ פון נעצאַרבעט, און זאָלסט מאַכן אויף דער נעץ פיר קופּערנע רינגען אויף זיינע פיר עקן. 5 און זאָלסט זי אַרויפטאָן אונטער דעם געזימס פון מזבח, פון אונטן, און די נעץ זאָל זיין ביז דער העלפט פון מזבח. 6 און זאָלסט מאַכן שטאַנגען צום מזבח, שטאַנגען פון שטים־האָלץ, און זיי איבערציען מיט קופּער. 7 און זיינע שטאַנגען זאָלן אַריינגעצויגן ווערן אין די רינגען, און די שטאַנגען זאָלן זיין אויף ביידע זייטן פון מזבח, ווען מע טראָגט אים. 8 הויל אינעווייניק, פון ברעטער, זאָלסטו אים מאַכן; אַזוי ווי מע האָט דיר געוויזן אויפן באַרג, אַזוי זאָל מען מאַכן.
9 און זאָלסט מאַכן דעם הויף פון משכן: פאַר דער דרום־זייט צו דָרום, אַרומהאַנגען פאַרן הויף פון געדרייטן ליינען, הונדערט איילן די לענג פאַר דער איין זייט. 10 און די זיילן דערצו צוואַנציק, און זייערע שוועלן צוואַנציק, פון קופּער; די העקלעך פון די זיילן, און זייערע רייפבענדער, פון זילבער. 11 און דעסגלייכן פאַר דער צפון־זייט, פאַר לענג: אַרומהאַנגען הונדערט איילן די לענג, און די זיילן דערצו צוואַנציק, און זייערע שוועלן צוואַנציק, פון קופּער; די העקלעך פון די זיילן, און זייערע רייפבענדער, פון זילבער. 12 און פאַר ברייט פון הויף אין מערב־זייט, אַרומהאַנגען פון פופציק איילן: די זיילן דערצו צען, און זייערע שוועלן צען. 13 און די ברייט פון הויף אין מזרח־זייט צו זונאויפגאַנג פופציק איילן. 14 און פופצן איילן אַרומהאַנגען פאַר איין זייט; די זיילן דערצו דריי, און זייערע שוועלן דריי. 15 און פאַר דער צווייטער זייט פופצן איילן אַרומהאַנגען; די זיילן דערצו דריי, און זייערע שוועלן דריי. 16 און פאַרן טויער פון הויף אַ פאָרהאַנג פון צוואַנציק איילן, פון בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען, געשטיקטע אַרבעט; די זיילן דערצו פיר, און זייערע שוועלן פיר. 17 אַלע זיילן פון הויף רונד אַרום, אַרומגערייפט מיט זילבער; זייערע העקלעך פון זילבער, און זייערע שוועלן פון קופּער. 18 די לענג פון הויף הונדערט איילן, און די ברייט פופציק אַקעגן פופציק, און די הייך פינף איילן, פון געדרייטן ליינען; און די שוועלן דערצו פון קופּער. 19 אַלע געצייג פון משכן פאַר זיין גאַנצער אַרבעט, און אַלע זיינע פלעקלעך, און אַלע פלעקלעך פון הויף, פון קופּער.

# תְּצַוֶּה

כ ואתה תצוה | את־בני ישראל ויקחו אליך שמן זית זך
כא כתית למאור להעלת נר תמיד: באהל מועד מחוץ

יא' ועמדיו קרי

20 און דו זאָלסט באַפעלן די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן דיר ברענגען ריינע געשלאָגענע בוימל פאַר דער לייכטונג, אויף אָנצינדן אַ ליכט תמיד. 21 אין אוהל־מועד, דרויסן פון פָּרוֹכֶת וואָס פאַרן געזעץ,

לְפָּרֹכֶת אֲשֶׁר עַל־הָעֵדֻת יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן וּבָנָיו מֵעֶרֶב עַד־
בֹּקֶר לִפְנֵי יְהוָה חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתָם מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ ס

כח

וְאַתָּה הַקְרֵב אֵלֶיךָ אֶת־אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאֶת־בָּנָיו אִתּוֹ מִתּוֹךְ א
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכַהֲנוֹ־לִי אַהֲרֹן נָדָב וַאֲבִיהוּא אֶלְעָזָר וְאִיתָמָר
בְּנֵי אַהֲרֹן׃ וְעָשִׂיתָ בִגְדֵי־קֹדֶשׁ לְאַהֲרֹן אָחִיךָ לְכָבוֹד ב
וּלְתִפְאָרֶת׃ וְאַתָּה תְּדַבֵּר אֶל־כָּל־חַכְמֵי־לֵב אֲשֶׁר מִלֵּאתִיו ג
רוּחַ חָכְמָה וְעָשׂוּ אֶת־בִּגְדֵי אַהֲרֹן לְקַדְּשׁוֹ לְכַהֲנוֹ־לִי׃
וְאֵלֶּה הַבְּגָדִים אֲשֶׁר יַעֲשׂוּ חֹשֶׁן וְאֵפוֹד וּמְעִיל וּכְתֹנֶת ד
תַּשְׁבֵּץ מִצְנֶפֶת וְאַבְנֵט וְעָשׂוּ בִגְדֵי־קֹדֶשׁ לְאַהֲרֹן אָחִיךָ
וּלְבָנָיו לְכַהֲנוֹ־לִי׃ וְהֵם יִקְחוּ אֶת־הַזָּהָב וְאֶת־הַתְּכֵלֶת ה
וְאֶת־הָאַרְגָּמָן וְאֶת־תּוֹלַעַת הַשָּׁנִי וְאֶת־הַשֵּׁשׁ׃ פ
וְעָשׂוּ אֶת־הָאֵפֹד זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן תּוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ ו
מָשְׁזָר מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב׃ שְׁתֵּי כְתֵפֹת חֹבְרֹת יִהְיֶה־לּוֹ אֶל־ ז
שְׁנֵי קְצוֹתָיו וְחֻבָּר׃ וְחֵשֶׁב אֲפֻדָּתוֹ אֲשֶׁר עָלָיו כְּמַעֲשֵׂהוּ ח
מִמֶּנּוּ יִהְיֶה זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ
מָשְׁזָר׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־שְׁתֵּי אַבְנֵי־שֹׁהַם וּפִתַּחְתָּ עֲלֵיהֶם ט
שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ שִׁשָּׁה מִשְּׁמֹתָם עַל הָאֶבֶן הָאֶחָת י
וְאֶת־שְׁמוֹת הַשִּׁשָּׁה הַנּוֹתָרִים עַל־הָאֶבֶן הַשֵּׁנִית כְּתוֹלְדֹתָם׃
מַעֲשֵׂה חָרַשׁ אֶבֶן פִּתּוּחֵי חֹתָם תְּפַתַּח אֶת־שְׁתֵּי הָאֲבָנִים יא
עַל־שְׁמֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֻסַבֹּת מִשְׁבְּצוֹת זָהָב תַּעֲשֶׂה
אֹתָם׃ וְשַׂמְתָּ אֶת־שְׁתֵּי הָאֲבָנִים עַל כִּתְפֹת הָאֵפֹד אַבְנֵי יב
זִכָּרֹן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת־שְׁמוֹתָם לִפְנֵי יְהוָה
עַל־שְׁתֵּי כְתֵפָיו לְזִכָּרֹן׃ ס וְעָשִׂיתָ מִשְׁבְּצֹת זָהָב׃ שני
וּשְׁתֵּי שַׁרְשְׁרֹת זָהָב טָהוֹר מִגְבָּלֹת תַּעֲשֶׂה אֹתָם מַעֲשֵׂה יד
עֲבֹת וְנָתַתָּה אֶת־שַׁרְשְׁרֹת הָעֲבֹתֹת עַל־הַמִּשְׁבְּצֹת׃ ס
וְעָשִׂיתָ חֹשֶׁן מִשְׁפָּט מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב כְּמַעֲשֵׂה אֵפֹד תַּעֲשֶׂנּוּ טו
זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר תַּעֲשֶׂה

זאָל עס אַהרן און זײַנע קינדער צוריכטן אויף פון אָוונט ביז אין דער פרי, פאַר גאָט; אַן אײביק געזעץ אויף זײערע דור־דורות פאַר די קינדער פון ישראל.

כח [1] און דו מאַך גענענען צו דיר דײַן ברודער אַהרנען, און זײַנע זין מיט אים, פון צווישן די קינדער פון ישראל, כדי זײ זאָלן זײַן כּהנים צו מיר; אַהרן, נָדָב, און אַביהוא, אֶלעָזָר, און איתָמָר, אַהרנס זין. [2] און זאָלסט מאַכן דײַן ברודער אַהרנען הײליקע קלײדער פאַר אַ כבוד און פאַר אַ שײנקײט. [3] און דו זאָלסט רעדן צו אַלע קלוגהאַרציקע, וואָס איך האָב זײ אָנגעפילט מיט אַ גײסט פון חכמה, זײ זאָלן מאַכן די קלײדער פאַר אַהרנען, כדי אים צו הײליקן אַז ער זאָל זײַן אַ כּהן צו מיר.

[4] און דאָס זײַנען די קלײדער, וואָס זײ זאָלן מאַכן: אַ חושֶן, און אַן אֵפוד, און אַ מאַנטל, און אַ געקעסטלט העמדל, אַ הויב, און אַ גאַרטל; און זײ זאָלן מאַכן הײליקע קלײדער פאַר דײַן ברודער אַהרנען און פאַר זײַנע זין, כדי זײ זאָלן זײַן כּהנים צו מיר. [5] און זײ זאָלן נעמען דאָס גאָלד, און די בלאָע וואָל, און דעם פורפל, און דאָס ווערמילרויט, און דעם לײַנען.

[6] און זײ זאָלן מאַכן דעם אֵפוד פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפל, ווערמילרויט, און געדרײטן לײַנען, קונציק אויסגעאַרבעט. [7] צוויי אַקסלבענדער זאָל ער האָבן, באַהעפט צו זײַנע צוויי עקן, כדי ער זאָל זײַן באַהעפט. [8] און דער גאַרטלבאַנד וואָס אויף אים, זאָל זײַן אַזוי ווי זײַן אַרבעט, פון אים גופא; פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, און געדרײטן לײַנען. [9] און זאָלסט נעמען צוויי אָניקלשטײנער, און אויסקריצן אויף זײ די נעמען פון די קינדער פון ישראל; [10] זעקס פון זײערע נעמען אויף אײן שטײן, און די איבעריקע זעקס נעמען אויפן צווײטן שטײן, לויט זײערע געבורטן. [11] ווי אַרבעט פון אַ שטײנשנײַדער, ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל, זאָלסטו אויסקריצן די צוויי שטײנער לויט די נעמען פון די קינדער פון ישראל; אַײַנגעראַמט אין אַײַנפאַסונגען פון גאָלד זאָלסטו זײ מאַכן. [12] און זאָלסט אַרויפטאָן די צוויי שטײנער אויף די אַקסלבענדער פון אֵפוד—שטײנער פון דערמאָנונג פאַר די קינדער פון ישראל; און אַהרן זאָל טראָגן זײערע נעמען פאַר גאָט אויף זײַנע צוויי אַקסלען פאַר אַ דערמאָנונג.

[13] און זאָלסט מאַכן אַײַנפאַסונגען פון גאָלד; [14] און צוויי קײטן פון רײנעם גאָלד; געדרײט זאָלסטו זײ מאַכן, פלעכטאַרבעט; און זאָלסט אַרויפטאָן די געפלאָכטענע קײטן אויף די אַײַנפאַסונגען.

[15] און זאָלסט מאַכן אַ חושֶן פון באַשײד, קונציק אויסגעאַרבעט; אַזוי ווי די אַרבעט פון אֵפוד זאָלסטו אים מאַכן: פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, און געדרײטן לײַנען, זאָלסטו אים מאַכן.

טז יז אֹתוֹ׃ רָבוּעַ יִהְיֶה כָּפוּל זֶרֶת אָרְכּוֹ וְזֶרֶת רָחְבּוֹ׃ וּמִלֵּאתָ
בוֹ מִלֻּאַת אֶבֶן אַרְבָּעָה טוּרִים אָבֶן טוּר אֹדֶם פִּטְדָה
יח וּבָרֶקֶת הַטּוּר הָאֶחָד׃ וְהַטּוּר הַשֵּׁנִי נֹפֶךְ סַפִּיר וְיָהֲלֹם׃
יט כ וְהַטּוּר הַשְּׁלִישִׁי לֶשֶׁם שְׁבוֹ וְאַחְלָמָה׃ וְהַטּוּר הָרְבִיעִי
תַּרְשִׁישׁ וְשֹׁהַם וְיָשְׁפֵה מְשֻׁבָּצִים זָהָב יִהְיוּ בְּמִלּוּאֹתָם׃
כא וְהָאֲבָנִים תִּהְיֶיןָ עַל־שְׁמֹת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה עַל־
שְׁמֹתָם פִּתּוּחֵי חוֹתָם אִישׁ עַל־שְׁמוֹ תִּהְיֶיןָ לִשְׁנֵי עָשָׂר
כב שָׁבֶט׃ וְעָשִׂיתָ עַל־הַחֹשֶׁן שַׁרְשֹׁת גַּבְלֻת מַעֲשֵׂה עֲבֹת זָהָב
כג טָהוֹר׃ וְעָשִׂיתָ עַל־הַחֹשֶׁן שְׁתֵּי טַבְּעוֹת זָהָב וְנָתַתָּ אֶת־
כד שְׁתֵּי הַטַּבָּעוֹת עַל־שְׁנֵי קְצוֹת הַחֹשֶׁן׃ וְנָתַתָּה אֶת־שְׁתֵּי
כה עֲבֹתֹת הַזָּהָב עַל־שְׁתֵּי הַטַּבָּעֹת אֶל־קְצוֹת הַחֹשֶׁן׃ וְאֵת
שְׁתֵּי קְצוֹת שְׁתֵּי הָעֲבֹתֹת תִּתֵּן עַל־שְׁתֵּי הַמִּשְׁבְּצוֹת וְנָתַתָּה
כו עַל־כִּתְפוֹת הָאֵפֹד אֶל־מוּל פָּנָיו׃ וְעָשִׂיתָ שְׁתֵּי טַבְּעוֹת זָהָב
וְשַׂמְתָּ אֹתָם עַל־שְׁנֵי קְצוֹת הַחֹשֶׁן עַל־שְׂפָתוֹ אֲשֶׁר אֶל־
כז עֵבֶר הָאֵפוֹד בָּיְתָה׃ וְעָשִׂיתָ שְׁתֵּי טַבְּעוֹת זָהָב וְנָתַתָּה
אֹתָם עַל־שְׁתֵּי כִתְפוֹת הָאֵפוֹד מִלְמַטָּה מִמּוּל פָּנָיו לְעֻמַּת
כח מֶחְבַּרְתּוֹ מִמַּעַל לְחֵשֶׁב הָאֵפוֹד׃ וְיִרְכְּסוּ אֶת־הַחֹשֶׁן
מִטַּבְּעֹתָו אֶל־טַבְּעֹת הָאֵפוֹד בִּפְתִיל תְּכֵלֶת לִהְיוֹת עַל־
כט חֵשֶׁב הָאֵפוֹד וְלֹא־יִזַּח הַחֹשֶׁן מֵעַל הָאֵפוֹד׃ וְנָשָׂא אַהֲרֹן
אֶת־שְׁמוֹת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּחֹשֶׁן הַמִּשְׁפָּט עַל־לִבּוֹ בְּבֹאוֹ אֶל־
ל הַקֹּדֶשׁ לְזִכָּרֹן לִפְנֵי־יְהוָה תָּמִיד׃ וְנָתַתָּ אֶל־חֹשֶׁן הַמִּשְׁפָּט
אֶת־הָאוּרִים וְאֶת־הַתֻּמִּים וְהָיוּ עַל־לֵב אַהֲרֹן בְּבֹאוֹ לִפְנֵי
יְהוָה וְנָשָׂא אַהֲרֹן אֶת־מִשְׁפַּט בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל עַל־לִבּוֹ לִפְנֵי
שני לא יְהוָה תָּמִיד׃ ס וְעָשִׂיתָ אֶת־מְעִיל הָאֵפוֹד כְּלִיל תְּכֵלֶת׃
לב וְהָיָה פִי־רֹאשׁוֹ בְּתוֹכוֹ שָׂפָה יִהְיֶה לְפִיו סָבִיב מַעֲשֵׂה
לג אֹרֵג כְּפִי תַחְרָא יִהְיֶה־לּוֹ לֹא יִקָּרֵעַ׃ וְעָשִׂיתָ עַל־שׁוּלָיו
רִמֹּנֵי תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי עַל־שׁוּלָיו סָבִיב וּפַעֲמֹנֵי

כח׳ מטבעתו ק

16 פירעקעכדיק זאָל ער זיין, געטאָפּלט, אַ שפּאַן זיין לענג, און אַ שפּאַן זיין ברייט. 17 און זאָלסט אַריינזעצן אין אים אַן איינזעצונג פון שטיינער, פיר ציילן שטיינער. אַ צייל פון רובין, טאָפּאַז, און שמאַראַק, איין צייל; 18 און די צווייטע צייל: גאַרפונקל, סאַפּירשטיין, און דימענט; 19 און די דריטע צייל: יאַכצום, אַגאַט, און אַמעטיסט; 20 און די פירטע צייל: גאָלדשטיין, און אָניקל, און יאַשפיז; איינגעזעצט אין גאָלד זאָלן זיי זיין אין זייערע איינפאַסונגען. 21 און די שטיינער זאָלן זיין לויט די נעמען פון די קינדער פון ישראל, צוועלף, לויט זייערע נעמען; ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל, איטלעכער לויט זיין נאָמען זאָלן זיי זיין, אַקעגן די צוועלף שבטים. 22 און זאָלסט מאַכן אויפן חושן געדרייטע קייטן, פלעכטאַרבעט, פון ריינעם גאָלד. 23 און זאָלסט מאַכן צום חושן צוויי גילדערנע רינגען, און אַרויפטאָן די צוויי רינגען אויף די צוויי עקן פון חושן. 24 און זאָלסט אַריינטאָן די צוויי גילדערנע פלעכטן אין די צוויי רינגען ביי די עקן פון חושן. 25 און די צוויי עקן פון די צוויי פלעכטן זאָלסטו אַרויפטאָן אויף די צוויי איינפאַסונגען, און אַרויפטאָן אויף די אַקסלבענדער פון אֵפוד, אויף זיין פאָדערזייט. 26 און זאָלסט מאַכן צוויי גילדערנע רינגען, און זיי אַרויפזעצן אויף די צוויי עקן פון חושן ביי זיין זוים וואָס צו דער זייט פון אֵפוד, אינעווייניק צו. 27 און זאָלסט מאַכן צוויי גילדערנע רינגען, און זיי אַרויפטאָן אויף די צוויי אַקסלבענדער פון אֵפוד, פון אונטן, אויף זיין פאָדערזייט, לעבן זיין באַהעפטונג, איבער דעם אַרומבאַנד פון אֵפוד. 28 און מע זאָל צושנירן דעם חושן דורך זיינע רינגען צו די רינגען פון אֵפוד מיט אַ שנור פון בלאָער וואָל, כּדי ער זאָל זיין אויף דעם אַרומבאַנד פון אֵפוד, און דער חושן זאָל זיך ניט אַראָפּרוקן פון אֵפוד. 29 און אַהרן זאָל טראָגן די נעמען פון די קינדער פון ישראל אין דעם חושן פון באַשייד אויף זיין האַרצן, ווען ער קומט אין הייליקטום, פאַר אַ דערמאָנונג פאַר גאָט תּמיד. 30 און זאָלסט אַריינטאָן אין דעם חושן פון באַשייד די אורים־ותומים, און זיי זאָלן זיין ביי אַהרנען אויפן האַרצן, ווען ער קומט פאַר גאָט; און אַהרן זאָל טראָגן דעם באַשייד פון די קינדער פון ישראל אויף זיין האַרצן פאַר גאָט תּמיד.

31 און זאָלסט מאַכן דעם מאַנטל פון אֵפוד פון לויטער בלאָער וואָל. 32 און זיין עפענונג פאַרן קאָפּ זאָל זיין אין זיין מיטן; אַ זוים זאָל זיין ביי זיין עפענונג רונד אַרום, וועבאַרבעט; אַזוי ווי די עפענונג פון אַ פּאַנצערהעמד זאָל זיין ביי אים, ער זאָל זיך ניט צערייסן. 33 און זאָלסט מאַכן אויף זיינע ברעגן מילגרוימען פון בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, אויף זיינע ברעגן רונד אַרום, און גילדערנע גלעקלעך

זָהָב בְּתוֹכָם סָבִיב׃ פַּעֲמֹן זָהָב וְרִמּוֹן פַּעֲמֹן זָהָב וְרִמּוֹן לד
עַל־שׁוּלֵי הַמְּעִיל סָבִיב׃ וְהָיָה עַל־אַהֲרֹן לְשָׁרֵת וְנִשְׁמַע לה
קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל־הַקֹּדֶשׁ לִפְנֵי יְהוָה וּבְצֵאתוֹ וְלֹא יָמוּת׃ ס
וְעָשִׂיתָ צִּיץ זָהָב טָהוֹר וּפִתַּחְתָּ עָלָיו פִּתּוּחֵי חֹתָם קֹדֶשׁ לו
לַיהוָה׃ וְשַׂמְתָּ אֹתוֹ עַל־פְּתִיל תְּכֵלֶת וְהָיָה עַל־הַמִּצְנָפֶת לז
אֶל־מוּל פְּנֵי־הַמִּצְנֶפֶת יִהְיֶה׃ וְהָיָה עַל־מֵצַח אַהֲרֹן וְנָשָׂא לח
אַהֲרֹן אֶת־עֲוֹן הַקֳּדָשִׁים אֲשֶׁר יַקְדִּישׁוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְכָל־
מַתְּנֹת קָדְשֵׁיהֶם וְהָיָה עַל־מִצְחוֹ תָּמִיד לְרָצוֹן לָהֶם לִפְנֵי
יְהוָה׃ וְשִׁבַּצְתָּ הַכְּתֹנֶת שֵׁשׁ וְעָשִׂיתָ מִצְנֶפֶת שֵׁשׁ וְאַבְנֵט לט
תַּעֲשֶׂה מַעֲשֵׂה רֹקֵם׃ וְלִבְנֵי אַהֲרֹן תַּעֲשֶׂה כֻתֳּנֹת וְעָשִׂיתָ מ
לָהֶם אַבְנֵטִים וּמִגְבָּעוֹת תַּעֲשֶׂה לָהֶם לְכָבוֹד וּלְתִפְאָרֶת׃
וְהִלְבַּשְׁתָּ אֹתָם אֶת־אַהֲרֹן אָחִיךָ וְאֶת־בָּנָיו אִתּוֹ וּמָשַׁחְתָּ מא
אֹתָם וּמִלֵּאתָ אֶת־יָדָם וְקִדַּשְׁתָּ אֹתָם וְכִהֲנוּ לִי׃ וַעֲשֵׂה מב
לָהֶם מִכְנְסֵי־בָד לְכַסּוֹת בְּשַׂר עֶרְוָה מִמָּתְנַיִם וְעַד־יְרֵכַיִם
יִהְיוּ׃ וְהָיוּ עַל־אַהֲרֹן וְעַל־בָּנָיו בְּבֹאָם ׀ אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד אוֹ מג
בְגִשְׁתָּם אֶל־הַמִּזְבֵּחַ לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ וְלֹא־יִשְׂאוּ עָוֹן וָמֵתוּ
חֻקַּת עוֹלָם לוֹ וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו׃ ס

## כט

חֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה לָהֶם לְקַדֵּשׁ אֹתָם לְכַהֵן לִי לְקַח רב׳
פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר וְאֵילִם שְׁנַיִם תְּמִימִם׃ וְלֶחֶם מַצּוֹת ב
וְחַלֹּת מַצֹּת בְּלוּלֹת בַּשֶּׁמֶן וּרְקִיקֵי מַצּוֹת מְשֻׁחִים בַּשָּׁמֶן
סֹלֶת חִטִּים תַּעֲשֶׂה אֹתָם׃ וְנָתַתָּ אוֹתָם עַל־סַל אֶחָד ג
וְהִקְרַבְתָּ אֹתָם בַּסָּל וְאֶת־הַפָּר וְאֵת שְׁנֵי הָאֵילִם׃ וְאֶת־ ד
אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו תַּקְרִיב אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד וְרָחַצְתָּ
אֹתָם בַּמָּיִם׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־הַבְּגָדִים וְהִלְבַּשְׁתָּ אֶת־אַהֲרֹן ה
אֶת־הַכֻּתֹּנֶת וְאֵת מְעִיל הָאֵפֹד וְאֶת־הָאֵפֹד וְאֶת־הַחֹשֶׁן
וְאָפַדְתָּ לוֹ בְּחֵשֶׁב הָאֵפֹד׃ וְשַׂמְתָּ הַמִּצְנֶפֶת עַל־רֹאשׁוֹ וְנָתַתָּ ו

כח,מב׳ קמץ מ״ק

צווישן זיי רונד אַרום: [34] אַ גילדערן גלעקל און אַ מילגרוים, אַ גילדערן גלעקל און אַ מילגרוים, אויף די ברעגן פון דעם מאַנטל רונד אַרום. [35] און עס זאָל זיין אויף אַהרנען ביים דינען, און דער קָול דערפון זאָל זיך הערן ווען ער קומט אַריין אין הייליקטום פאַר גאָט, און ווען ער גייט אַרויס, כדי ער זאָל ניט שטאַרבן.

[36] און זאָלסט מאַכן אַ שטערנבלעך פון ריינעם גאָלד, און אויסקריצן אויף אים ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל „הייליק צו גאָט". [37] און זאָלסט עס אַרויפטאָן אויף אַ שנור פון בלאָער וואָל, און עס זאָל זיין אויף דער הויב; אויף דער פאָדערזייט פון דער הויב זאָל עס זיין. [38] און עס זאָל זיין אויף אַהרנס שטערן, און אַהרן זאָל נעמען אויף זיך די זינד אַקעגן די הייליקע זאַכן, וואָס די קינדער פון ישראל הייליקן, ביי אַלע זייערע הייליקע גאָבן; און עס זאָל זיין אויף זיין שטערן תמיד, כדי זיי זאָלן באַוויליקט ווערן פאַר גאָט.

[39] און זאָלסט מאַכן דאָס העמדל געקעסטלט, פון ליינען; און זאָלסט מאַכן אַ הויב פון ליינען; און אַ גאַרטל זאָלסטו מאַכן, געשטיקטע אַרבעט. [40] און אַהרנס זין זאָלסטו מאַכן העמדלעך; און זאָלסט זיי מאַכן גאַרטלען; און היטלען זאָלסטו זיי מאַכן פאַר אַ כבוד און פאַר אַ שיינקייט. [41] און זאָלסט זיי אָנטאָן דיין ברודער אַהרנען און זיינע זין מיט אים; און זאָלסט זיי זאַלבן, און דערפילן זייער האַנטא, און זיי הייליקן, אַז זיי זאָלן זיין כּהנים צו מיר. [42] און מאַך זיי ליינענע הויזן צו פאַרדעקן דאָס שאַנד־פלייש; פון די לענדן און ביז די דיכן זאָלן זיי זיין. [43] און זיי זאָלן זיין אויף אַהרנען און זיינע זין, ווען זיי קומען אין אוהל־מועד, אָדער ווען זיי גענענען צום מזבח, צו דינען אין הייליקטום; כדי זיי זאָלן ניט טראָגן אַ זינד און שטאַרבן; אַן אייביק געזעץ פאַר אים און פאַר זיין זאָמען נאָך אים.

**כט** [1] און דאָס איז די זאַך וואָס דו זאָלסט טאָן צו זיי, זיי צו הייליקן צו זיין כּהנים צו מיר: נעם איין יונגן אָקס און צוויי ווידערס אָן אַ פעלער. [2] און אומגעזייערט ברויט, און אומגעזייערטע חלות פאַרמישט מיט אייל, און אומגעזייערטע קוכנס באַשמירט מיט אייל; פון ווייצענעם זעמלמעל זאָלסטו זיי מאַכן. [3] און זאָלסט זיי אַריינטאָן אין איין קאָרב, און זיי גענענען אין דעם קאָרב, מיט דעם אָקס און מיט די צוויי ווידערס. [4] און אַהרנען און זיינע זין זאָלסטו מאַכן גענענען צום אַיינגאַנג פון אוהל־מועד, און זאָלסט זיי וואַשן מיט וואַסער. [5] און זאָלסט נעמען די קליידער, און אָנקליידן אַהרנען דאָס העמדל, און דעם מאַנטל פון אֵפוד, און דעם אֵפוד, און דעם חושן, און אים אָנגורטן מיט דעם אַרומבאַנד פון אֵפוד. [6] און זאָלסט אָנטאָן די הויב אויף זיין קאָפּ, און אַרויפטאָן

א ד. ה. אײנווייען.

ז אֶת־נֵ֣זֶר הַקֹּ֔דֶשׁ עַל־הַמִּצְנָֽפֶת׃ וְלָקַחְתָּ֙ אֶת־שֶׁ֣מֶן הַמִּשְׁחָ֔ה
ח וְיָצַקְתָּ֖ עַל־רֹאשׁ֑וֹ וּמָשַׁחְתָּ֖ אֹתֽוֹ׃ וְאֶת־בָּנָ֖יו תַּקְרִ֑יב
ט וְהִלְבַּשְׁתָּ֖ם כֻּתֳּנֹֽת׃ וְחָגַרְתָּ֨ אֹתָ֜ם אַבְנֵ֗ט אַהֲרֹ֣ן וּבָנָ֔יו
וְחָבַשְׁתָּ֤ לָהֶם֙ מִגְבָּעֹ֔ת וְהָיְתָ֥ה לָהֶ֛ם כְּהֻנָּ֖ה לְחֻקַּ֣ת עוֹלָ֑ם
י וּמִלֵּאתָ֥ יַד־אַהֲרֹ֖ן וְיַד־בָּנָֽיו׃ וְהִקְרַבְתָּ֙ אֶת־הַפָּ֔ר לִפְנֵ֖י אֹ֣הֶל
מוֹעֵ֑ד וְסָמַ֨ךְ אַהֲרֹ֧ן וּבָנָ֛יו אֶת־יְדֵיהֶ֖ם עַל־רֹ֥אשׁ הַפָּֽר׃
יא וְשָׁחַטְתָּ֥ אֶת־הַפָּ֖ר לִפְנֵ֣י יְהוָ֑ה פֶּ֖תַח אֹ֥הֶל מוֹעֵֽד׃ וְלָקַחְתָּ֙
יב מִדַּ֣ם הַפָּ֔ר וְנָתַתָּ֛ה עַל־קַרְנֹ֥ת הַמִּזְבֵּ֖חַ בְּאֶצְבָּעֶ֑ךָ וְאֶת־כָּל־
יג הַדָּ֣ם תִּשְׁפֹּ֔ךְ אֶל־יְס֖וֹד הַמִּזְבֵּֽחַ׃ וְלָקַחְתָּ֗ אֶֽת־כָּל־הַחֵלֶב֮
הַֽמְכַסֶּ֣ה אֶת־הַקֶּ֒רֶב֒ וְאֵ֗ת הַיֹּתֶ֙רֶת֙ עַל־הַכָּבֵ֔ד וְאֵת֙ שְׁתֵּ֣י
יד הַכְּלָיֹ֔ת וְאֶת־הַחֵ֖לֶב אֲשֶׁ֣ר עֲלֵיהֶ֑ן וְהִקְטַרְתָּ֖ הַמִּזְבֵּֽחָה׃ וְאֶת־
בְּשַׂ֤ר הַפָּר֙ וְאֶת־עֹר֣וֹ וְאֶת־פִּרְשׁ֔וֹ תִּשְׂרֹ֣ף בָּאֵ֔שׁ מִח֖וּץ לַֽמַּחֲנֶ֑ה
טו חַטָּ֖את הֽוּא׃ וְאֶת־הָאַ֥יִל הָאֶחָ֖ד תִּקָּ֑ח וְסָ֨מְכ֜וּ אַהֲרֹ֧ן וּבָנָ֛יו
טז אֶת־יְדֵיהֶ֖ם עַל־רֹ֥אשׁ הָאָֽיִל׃ וְשָׁחַטְתָּ֖ אֶת־הָאָ֑יִל וְלָקַחְתָּ֙
יז אֶת־דָּמ֔וֹ וְזָרַקְתָּ֥ עַל־הַמִּזְבֵּ֖חַ סָבִֽיב׃ וְאֶת־הָאַ֔יִל תְּנַתֵּ֖חַ
לִנְתָחָ֑יו וְרָחַצְתָּ֤ קִרְבּוֹ֙ וּכְרָעָ֔יו וְנָתַתָּ֥ עַל־נְתָחָ֖יו וְעַל־
יח רֹאשֽׁוֹ׃ וְהִקְטַרְתָּ֤ אֶת־כָּל־הָאַ֙יִל֙ הַמִּזְבֵּ֔חָה עֹלָ֥ה ה֖וּא לַֽיהוָ֑ה
חמ׳ רֵ֣יחַ נִיח֔וֹחַ אִשֶּׁ֥ה לַֽיהוָ֖ה הֽוּא׃ וְלָקַחְתָּ֕ אֵ֖ת הָאַ֣יִל הַשֵּׁנִ֑י
כ וְסָמַ֨ךְ אַהֲרֹ֧ן וּבָנָ֛יו אֶת־יְדֵיהֶ֖ם עַל־רֹ֥אשׁ הָאָֽיִל׃ וְשָׁחַטְתָּ֣
אֶת־הָאַ֗יִל וְלָקַחְתָּ֣ מִדָּמוֹ֒ וְנָתַתָּ֡ה עַל־תְּנ֞וּךְ אֹ֣זֶן אַהֲרֹ֗ן וְעַל־
תְּנ֞וּךְ אֹ֤זֶן בָּנָיו֙ הַיְמָנִ֔ית וְעַל־בֹּ֤הֶן יָדָם֙ הַיְמָנִ֔ית וְעַל־בֹּ֥הֶן
כא רַגְלָ֖ם הַיְמָנִ֑ית וְזָרַקְתָּ֧ אֶת־הַדָּ֛ם עַל־הַמִּזְבֵּ֖חַ סָבִֽיב׃ וְלָקַחְתָּ֞
מִן־הַדָּ֨ם אֲשֶׁ֥ר עַל־הַמִּזְבֵּ֮חַ֮ וּמִשֶּׁ֣מֶן הַמִּשְׁחָה֒ וְהִזֵּיתָ֙ עַל־
אַהֲרֹן֙ וְעַל־בְּגָדָ֔יו וְעַל־בָּנָ֛יו וְעַל־בִּגְדֵ֥י בָנָ֖יו אִתּ֑וֹ וְקָדַ֣שׁ
כב ה֗וּא וּבְגָדָ֔יו וּבָנָ֛יו וּבִגְדֵ֥י בָנָ֖יו אִתּֽוֹ׃ וְלָקַחְתָּ֣ מִן־הָ֠אַיִל
הַחֵ֨לֶב וְהָאַלְיָ֜ה וְאֶת־הַחֵ֣לֶב ׀ הַֽמְכַסֶּ֣ה אֶת־הַקֶּ֗רֶב וְאֵ֨ת
יֹתֶ֤רֶת הַכָּבֵד֙ וְאֵ֣ת ׀ שְׁתֵּ֣י הַכְּלָיֹ֗ת וְאֶת־הַחֵ֙לֶב֙ אֲשֶׁ֣ר עֲלֵיהֶ֔ן
כג וְאֵ֖ת שׁ֣וֹק הַיָּמִ֑ין כִּ֛י אֵ֥יל מִלֻּאִ֖ים הֽוּא׃ וְכִכַּ֨ר לֶ֜חֶם אַחַ֗ת

די הייליקע קרוין אויף דער הויב. [7] און זאָלסט נעמען
דאָס אייל פון זאַלבונג, און אַרויפגיסן אויף זיין קאָפּ, און
אים זאַלבן. [8] און זיינע זין זאָלסטו מאַכן גענענען, און
זיי אָנקליידן העמדלעך. [9] און זאָלסט זיי אָנגורטן אַ
גאַרטל, אַהרנען און זיינע זין, און זיי אָנבינדן היטלען,
און די כהונה זאָל זיי געהערן פאַר אַן אייביקן רעכט; און
זאָלסט דערפילן די האַנט פון אַהרנען, און די האַנט פון
זיינע זין.
[10] און זאָלסט מאַכן גענענען דעם אָקס פאַרן אוהל־
מועד, און אַהרן און זיינע זין זאָלן אָנלענען זייערע הענט
אויפן קאָפּ פון אָקס. [11] און זאָלסט שעכטן דעם אָקס
פאַר גאָט, ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד. [12] און זאָלסט
נעמען פון דעם בלוט פון אָקס, און אַרויפטאָן אויף די
הערנער פון מזבח מיט דיין פינגער, און דאָס גאַנצע בלוט
זאָלסטו אויסגיסן ביים גרונט פון מזבח. [13] און זאָלסט
נעמען דאָס גאַנצע פעטס וואָס באַדעקט די אינגעווייד,
און דאָס רויטפלייש איבער דעם לעבער, און ביידע נירן,
און דאָס פעטס וואָס אויף זיי, און דעמפן אויפן מזבח.
[14] און דאָס פלייש פון אָקס, און זיין פעל, און זיין מיסט,
זאָלסטו פאַרברענען אין פייער אויסן לאַגער; אַ זינד־
אָפּפער איז דאָס.
[15] און איין ווידער זאָלסטו נעמען, און אַהרן און זיינע
זין זאָלן אָנלענען זייערע הענט אויפן קאָפּ פון ווידער. [16] און זאָלסט שעכטן דעם ווידער, און נעמען זיין בלוט, און
שפּרענגען אויפן מזבח רונד אַרום. [17] און דעם ווידער זאָלסטו צעשניידן אויף זיינע שטיקער, און זאָלסט וואַשן זיינע
אינגעווייד, און זיינע קני, און זיי אַוועקלייגן צו זיינע שטיקער, און צו זיין קאָפּ. [18] און זאָלסט דעמפן דעם גאַנצן
ווידער אויפן מזבח; אַ בראַנדאָפּפער איז דאָס צו גאָט; אַ געשמאַקער ריח, אַ פייעראָפּפער איז דאָס צו גאָט.
[19] און זאָלסט נעמען דעם צווייטן ווידער, און אַהרן און זיינע זין זאָלן אָנלענען זייערע הענט אויפן קאָפּ
פון ווידער. [20] און זאָלסט שעכטן דעם ווידער, און נעמען פון זיין בלוט, און אַרויפטאָן אויפן רעכטן אויער־
לעפּל פון אַהרנען, און אויפן רעכטן אויערלעפּל פון זיינע זין, און אויפן דוימען פון זייער רעכטער האַנט,
און אויפן דוימען פון זייער רעכטן פוס; און זאָלסט שפּרענגען דאָס בלוט אויפן מזבח רונד אַרום. [21] און
זאָלסט נעמען פון דעם בלוט וואָס אויפן מזבח, און פון דעם אייל פון זאַלבונג, און שפּריצן אויף אַהרנען, און אויף
זיינע קליידער, און אויף זיינע זין, און אויף די קליידער פון זיינע זין מיט אים; און ער און זיינע קליידער וועלן ווערן
הייליק, און זיינע זין און די קליידער פון זיינע זין מיט אים. [22] און זאָלסט נעמען פון דעם ווידער דאָס פעטס, און דעם
ווידל, און דאָס פעטס וואָס באַדעקט די אינגעווייד, און דאָס רויטפלייש פון לעבער, און ביידע נירן, און דאָס פעטס
וואָס אויף זיי, און דעם רעכטן שענקל—וואָרום אַ ווידער פון דערפילונג[א] איז דאָס— [23] און איין לאַבן ברויט,

[א] ד. ה. איינווייאונג, הייליקונג.

וְחַלַּת לֶחֶם שֶׁמֶן אַחַת וְרָקִיק אֶחָד מִסַּל הַמַּצּוֹת אֲשֶׁר
לִפְנֵי יְהוָה׃ וְשַׂמְתָּ הַכֹּל עַל כַּפֵּי אַהֲרֹן וְעַל כַּפֵּי בָנָיו כד
וְהֵנַפְתָּ אֹתָם תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה׃ וְלָקַחְתָּ אֹתָם מִיָּדָם כה
וְהִקְטַרְתָּ הַמִּזְבֵּחָה עַל־הָעֹלָה לְרֵיחַ נִיחוֹחַ לִפְנֵי יְהוָה
אִשֶּׁה הוּא לַיהוָה׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־הֶחָזֶה מֵאֵיל הַמִּלֻּאִים כו
אֲשֶׁר לְאַהֲרֹן וְהֵנַפְתָּ אֹתוֹ תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה וְהָיָה לְךָ
לְמָנָה׃ וְקִדַּשְׁתָּ אֵת ׀ חֲזֵה הַתְּנוּפָה וְאֵת שׁוֹק הַתְּרוּמָה כז
אֲשֶׁר הוּנַף וַאֲשֶׁר הוּרָם מֵאֵיל הַמִּלֻּאִים מֵאֲשֶׁר לְאַהֲרֹן
וּמֵאֲשֶׁר לְבָנָיו׃ וְהָיָה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו לְחָק־עוֹלָם מֵאֵת כח
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כִּי תְרוּמָה הוּא וּתְרוּמָה יִהְיֶה מֵאֵת בְּנֵי־
יִשְׂרָאֵל מִזִּבְחֵי שַׁלְמֵיהֶם תְּרוּמָתָם לַיהוָה׃ וּבִגְדֵי הַקֹּדֶשׁ כט
אֲשֶׁר לְאַהֲרֹן יִהְיוּ לְבָנָיו אַחֲרָיו לְמָשְׁחָה בָהֶם וּלְמַלֵּא־
בָם אֶת־יָדָם׃ שִׁבְעַת יָמִים יִלְבָּשָׁם הַכֹּהֵן תַּחְתָּיו מִבָּנָיו ל
אֲשֶׁר־יָבֹא אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ׃ וְאֵת אֵיל הַמִּלֻּאִים לא
תִּקָּח וּבִשַּׁלְתָּ אֶת־בְּשָׂרוֹ בְּמָקֹם קָדֹשׁ׃ וְאָכַל אַהֲרֹן וּבָנָיו לב
אֶת־בְּשַׂר הָאַיִל וְאֶת־הַלֶּחֶם אֲשֶׁר בַּסָּל פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃
וְאָכְלוּ אֹתָם אֲשֶׁר כֻּפַּר בָּהֶם לְמַלֵּא אֶת־יָדָם לְקַדֵּשׁ אֹתָם לג
וְזָר לֹא־יֹאכַל כִּי־קֹדֶשׁ הֵם׃ וְאִם־יִוָּתֵר מִבְּשַׂר הַמִּלֻּאִים לד
וּמִן־הַלֶּחֶם עַד־הַבֹּקֶר וְשָׂרַפְתָּ אֶת־הַנּוֹתָר בָּאֵשׁ לֹא יֵאָכֵל
כִּי־קֹדֶשׁ הוּא׃ וְעָשִׂיתָ לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו כָּכָה כְּכֹל אֲשֶׁר־ לה
צִוִּיתִי אֹתָכָה שִׁבְעַת יָמִים תְּמַלֵּא יָדָם׃ וּפַר חַטָּאת תַּעֲשֶׂה לו
לַיּוֹם עַל־הַכִּפֻּרִים וְחִטֵּאתָ עַל־הַמִּזְבֵּחַ בְּכַפֶּרְךָ עָלָיו
וּמָשַׁחְתָּ אֹתוֹ לְקַדְּשׁוֹ׃ שִׁבְעַת יָמִים תְּכַפֵּר עַל־הַמִּזְבֵּחַ לז
וְקִדַּשְׁתָּ אֹתוֹ וְהָיָה הַמִּזְבֵּחַ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים כָּל־הַנֹּגֵעַ בַּמִּזְבֵּחַ
יִקְדָּשׁ׃ ס וְזֶה אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה עַל־הַמִּזְבֵּחַ כְּבָשִׂים בְּנֵי־ ששי
שָׁנָה שְׁנַיִם לַיּוֹם תָּמִיד׃ אֶת־הַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד תַּעֲשֶׂה לט
בַבֹּקֶר וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם׃ וְעִשָּׂרֹן מ
סֹלֶת בָּלוּל בְּשֶׁמֶן כָּתִית רֶבַע הַהִין וְנֵסֶךְ רְבִיעִת הַהִין

און איין חלה ברויט אויף אייל, און איין קוכן פון דעם קאָרב אומגעזייערטן ברויט וואָס פאַר גאָט. [24] און זאָלסט אַלצדינג אַרויפטאָן אויף די הענט פון אַהרנען, און אויף די הענט פון זיינע זין; און זאָלסט זיי אויפהייבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט. [25] און זאָלסט עס נעמען פון זייער האַנט, און דעמפן אויפן מזבח, איבער דעם בראַנדאָפּפער, פאַר אַ געשמאַקן ריח פאַר גאָט; אַ פייעראָפּפער איז דאָס צו גאָט. [26] און זאָלסט נעמען די ברוסט פון דעם ווידער פון דערפילונג וואָס פאַר אַהרנען, און זי אויפהייבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט; און עס זאָל זיין דיר צום חלק. [27] און זאָלסט הייליקן די ברוסט פון אויפהייבונג, און דעם שענקל פון אָפּשיידונג, וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן, און וואָס איז אָפּגעשיידט געוואָרן פון דעם ווידער פון דערפילונג, פון דעם וואָס פאַר אַהרנען און פאַר זיינע זין. [28] און עס זאָל געהערן צו אַהרנען און צו זיינע קינדער, פאַר אַן אייביקן רעכט, פון די קינדער פון ישראל; וואָרום אַן אָפּשיידונג איז דאָס, און אַן אָפּשיידונג זאָל עס זיין, פון די קינדער פון ישראל פון זייערע פרידאָפּפער, זייער אָפּשיידונג צו גאָט.

[29] און די הייליקע קליידער פון אַהרנען זאָלן זיין פאַר זיינע זין נאָך אים, אויף צו זאַלבן אין זיי, און צו דערפילן זייער האַנט אין זיי. [30] זיבן טעג זאָל זיי אָנטאָן דער פון זיינע זין, וואָס ווערט דער כהן אויף זיין אָרט, דער וואָס קומט אין אוהל־מועד צו דינען אין הייליקטום.

[31] און דעם ווידער פון דערפילונג זאָלסטו נעמען, און קאָכן זיין פלייש אין אַ הייליקן אָרט. [33] און אַהרן און זיינע זין זאָלן עסן דאָס פלייש פון דעם ווידער, און דאָס ברויט וואָס אין קאָרב, ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד. [33] און דאָס זאָלן עסן די אויף וועמען עס איז פאַרגעבן געוואָרן דערמיט, כּדי צו דערפילן זייער האַנט, זיי צו הייליקן; אָבער אַ פרעמדער זאָל דערפון ניט עסן, ווייל דאָס איז הייליק. [34] און אַז עס וועט איבערבלייבן פון דעם פלייש פון דערפילונג, אָדער פון דעם ברויט, ביז אין דער פרי, זאָלסטו פאַרברענען דאָס געבליבענע אין פייער; עס זאָל ניט געגעסן ווערן, וואָרום עס איז הייליק.

[35] און זאָלסט טאָן צו אַהרנען און צו זיינע זין אַזוי ווי אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפוילן; זיבן טעג זאָלסטו דערפילן זייער האַנט. [36] און אַן אָקס אַ זינדאָפּפער זאָלסטו מאַכן איטלעכן טאָג פאַר אַ פאַרגעבונג, און רייניקן דעם מזבח מיט דיין מכפּר זיין אויף אים; און זאָלסט אים זאַלבן, אים צו הייליקן. [37] זיבן טעג זאָלסטו מכפּר זיין אויפן מזבח, און אים הייליקן; און דער מזבח זאָל זיין אַ הייליקסטע הייליקייט; אַלץ וואָס רירט זיך אָן אין מזבח זאָל ווערן הייליק.

[38] און דאָס איז וואָס דו זאָלסט מאַכן אויפן מזבח: יאָריקע שעפּסן צוויי אַ טאָג, תּמיד. [39] איין שעפּס זאָלסטו מאַכן אין דער פרי, און דעם צווייטן שעפּס זאָלסטו מאַכן קעגן אָוונט. [40] און אַ צענטל זעמלמעל פאַרמישט מיט געשלאָגענע אייל אַ פערטל הין, און אַ גיסאָפּפער פון אַ פערטל הין וויין צו

דעם איין שעפס. [41] און דעם צווייטן שעפס זאָלסטו מאַכן קעגן אָוונט; אַזוי ווי דאָס שפּייזאָפּפער פון אין דער פרי, און אַזוי ווי זיין גיסאָפּפער, זאָלסטו מאַכן צו אים, פאַר אַ געשמאַקן ריח, אַ פייעראָפּפער צו גאָט. [42] אַ שטענדיק בראַנדאָפּפער אויף אייערע דור־דורות, ביים אײַנגאַנג פון אוהל־מועד, פאַר גאָט, וואָס דאָרטן וועל איך זיך אַנטפּלעקן צו אײַך, דאָרטן צו רעדן צו דיר. [43] און איך וועל זיך דאָרטן אַנטפּלעקן צו די קינדער פון ישראל, און עס וועט געהייליקט ווערן מיט מיין פּראַכט. [44] און איך וועל הייליקן דעם אוהל־מועד, און דעם מזבח; און אַהרנען און זיינע זין וועל איך הייליקן צו זיין כּהנים צו מיר. [45] און איך וועל רוען צווישן די קינדער פון ישראל, און וועל זיי זיין צום גאָט. [46] און זיי וועלן וויסן, אַז איך בין יהוה זייער גאָט, וואָס האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצְרַיִם, כּדי איך זאָל רוען צווישן זיי. איך בין יהוה זייער גאָט.

ל [1] און זאָלסט מאַכן אַ מזבח פאַר רייכערונג פון וויי־רויך; פון שִׁטים־האָלץ זאָלסטו אים מאַכן. [2] אַן איל זיין לענג, און אַן איל זיין ברייט; פירעקעכדיק זאָל ער זיין, און צוויי אײלן זיין הייך; פון אים גופא זאָלן זיין זיינע הערנער. [3] און זאָלסט אים איבערציען מיט ריינעם גאָלד, זיין אויבערדעק, און זיינע ווענט רונד אַרום, און זיינע הערנער; און זאָלסט מאַכן צו אים אַ גילדערנעם קראַנץ רונד אַרום. [4] און צוויי גילדערנע רינגען זאָלסטו מאַכן צו אים אונטער זיין קראַנץ; אויף זיינע צוויי פלאַנקען זאָלסטו זיי מאַכן–אויף זיינע צוויי זייטן, און זיי זאָלן זיין פאַר אויערן פאַר די שטאַנגען, אים צו טראָגן אויף זיי. [5] און זאָלסט מאַכן די שטאַנגען פון שִׁטים־האָלץ, און זיי איבערציען מיט גאָלד. [6] און זאָלסט אים אַוועקשטעלן פאַר דעם פָּרוֹכֶת וואָס פאַר דעם אָרון פון געזעץ, פאַר דעם דעק וואָס איבער דעם געזעץ, וואָס דאָרטן וועל איך זיך אַנטפּלעקן צו דיר. [7] און אַהרן זאָל רייכערן אויף אים ווייררויך פון שמעקעדיקע געווירצן; פרימאָרגן אין פרימאָרגן, ווען ער מאַכט צורעכט די רערלעך, זאָל ער עס רייכערן. [8] און ווען אַהרן צינדט אָן די רערלעך קעגן אָוונט, זאָל ער עס רייכערן; אַ שטענדיקן ווייררויך פאַר גאָט אויף אײַערע דור־דורות. [9] איר זאָלט ניט אויפברענגען אויף אים פרעמדן ווייררויך, אָדער אַ בראַנדאָפּפער און אַ שפּייזאָפּפער; און אַ גיסאָפּפער זאָלט איר ניט גיסן אויף אים. [10] און אַהרן זאָל מכפּר זיין אויף זיינע הערנער איין מאָל אין יאָר; מיט דעם בלוט פון דעם זינדאָפּפער פון פאַרגעבונג זאָל ער איין מאָל אין יאָר מכפּר זיין אויף אים, אויף אײַערע דור־דורות; אַ הייליקסטע הייליקייט איז ער צו גאָט.

מא יַיִן לַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד: וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם
כְּמִנְחַת הַבֹּקֶר וּכְנִסְכָּהּ תַּעֲשֶׂה־לָּהּ לְרֵיחַ נִיחֹחַ אִשֶּׁה
מב לַיהוָה: עֹלַת תָּמִיד לְדֹרֹתֵיכֶם פֶּתַח אֹהֶל־מוֹעֵד לִפְנֵי
מג יְהוָה אֲשֶׁר אִוָּעֵד לָכֶם שָׁמָּה לְדַבֵּר אֵלֶיךָ שָׁם: וְנֹעַדְתִּי
מד שָׁמָּה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל וְנִקְדַּשׁ בִּכְבֹדִי: וְקִדַּשְׁתִּי אֶת־אֹהֶל
מוֹעֵד וְאֶת־הַמִּזְבֵּחַ וְאֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו אֲקַדֵּשׁ לְכַהֵן
מה לִי: וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהָיִיתִי לָהֶם לֵאלֹהִים:
מו וְיָדְעוּ כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֹתָם מֵאֶרֶץ
מִצְרַיִם לְשָׁכְנִי בְתוֹכָם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם: פ

ל

שבי וְעָשִׂיתָ מִזְבֵּחַ מִקְטַר קְטֹרֶת עֲצֵי שִׁטִּים תַּעֲשֶׂה אֹתוֹ:
ב אַמָּה אָרְכּוֹ וְאַמָּה רָחְבּוֹ רָבוּעַ יִהְיֶה וְאַמָּתַיִם קֹמָתוֹ
ג מִמֶּנּוּ קַרְנֹתָיו: וְצִפִּיתָ אֹתוֹ זָהָב טָהוֹר אֶת־גַּגּוֹ וְאֶת־
קִירֹתָיו סָבִיב וְאֶת־קַרְנֹתָיו וְעָשִׂיתָ לּוֹ זֵר זָהָב סָבִיב:
ד וּשְׁתֵּי טַבְּעֹת זָהָב תַּעֲשֶׂה־לּוֹ ׀ מִתַּחַת לְזֵרוֹ עַל שְׁתֵּי
צַלְעֹתָיו תַּעֲשֶׂה עַל־שְׁנֵי צִדָּיו וְהָיָה לְבָתִּים לְבַדִּים לָשֵׂאת
ה אֹתוֹ בָּהֵמָּה: וְעָשִׂיתָ אֶת־הַבַּדִּים עֲצֵי שִׁטִּים וְצִפִּיתָ אֹתָם
ו זָהָב: וְנָתַתָּה אֹתוֹ לִפְנֵי הַפָּרֹכֶת אֲשֶׁר עַל־אֲרֹן הָעֵדֻת לִפְנֵי
ז הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל־הָעֵדֻת אֲשֶׁר אִוָּעֵד לְךָ שָׁמָּה: וְהִקְטִיר
עָלָיו אַהֲרֹן קְטֹרֶת סַמִּים בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר בְּהֵיטִיבוֹ אֶת־הַנֵּרֹת
מפ׳ יַקְטִירֶנָּה: וּבְהַעֲלֹת אַהֲרֹן אֶת־הַנֵּרֹת בֵּין הָעַרְבַּיִם יַקְטִירֶנָּה
ט קְטֹרֶת תָּמִיד לִפְנֵי יְהוָה לְדֹרֹתֵיכֶם: לֹא־תַעֲלוּ עָלָיו קְטֹרֶת
י זָרָה וְעֹלָה וּמִנְחָה וְנֵסֶךְ לֹא תִסְּכוּ עָלָיו: וְכִפֶּר אַהֲרֹן עַל־
קַרְנֹתָיו אַחַת בַּשָּׁנָה מִדַּם חַטַּאת הַכִּפֻּרִים אַחַת בַּשָּׁנָה
יְכַפֵּר עָלָיו לְדֹרֹתֵיכֶם קֹדֶשׁ־קָדָשִׁים הוּא לַיהוָה: פ

## כי תשא

[11] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:
[12] אַז דו וועסט אויפנעמען דעם מספר פון די קינדער

יא יב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר: כִּי תִשָּׂא אֶת־רֹאשׁ בְּנֵי־

יִשְׂרָאֵל לִפְקֻדֵיהֶם וְנָתְנוּ אִישׁ כֹּפֶר נַפְשׁוֹ לַיהוָה בִּפְקֹד
אֹתָם וְלֹא־יִהְיֶה בָהֶם נֶגֶף בִּפְקֹד אֹתָם׃ זֶה ׀ יִתְּנוּ כָּל־ יג
הָעֹבֵר עַל־הַפְּקֻדִים מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ עֶשְׂרִים
גֵּרָה הַשֶּׁקֶל מַחֲצִית הַשֶּׁקֶל תְּרוּמָה לַיהוָה׃ כֹּל הָעֹבֵר יד
עַל־הַפְּקֻדִים מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמָעְלָה יִתֵּן תְּרוּמַת יְהוָה׃
הֶעָשִׁיר לֹא־יַרְבֶּה וְהַדַּל לֹא יַמְעִיט מִמַּחֲצִית הַשָּׁקֶל טו
לָתֵת אֶת־תְּרוּמַת יְהוָה לְכַפֵּר עַל־נַפְשֹׁתֵיכֶם׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־ טז
כֶּסֶף הַכִּפֻּרִים מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְנָתַתָּ אֹתוֹ עַל־עֲבֹדַת
אֹהֶל מוֹעֵד וְהָיָה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לְזִכָּרוֹן לִפְנֵי יְהוָה לְכַפֵּר
עַל־נַפְשֹׁתֵיכֶם׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ וְעָשִׂיתָ כִּיּוֹר נְחֹשֶׁת וְכַנּוֹ יז יח
נְחֹשֶׁת לְרָחְצָה וְנָתַתָּ אֹתוֹ בֵּין־אֹהֶל מוֹעֵד וּבֵין הַמִּזְבֵּחַ
וְנָתַתָּ שָׁמָּה מָיִם׃ וְרָחֲצוּ אַהֲרֹן וּבָנָיו מִמֶּנּוּ אֶת־יְדֵיהֶם יט
וְאֶת־רַגְלֵיהֶם׃ בְּבֹאָם אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד יִרְחֲצוּ־מַיִם וְלֹא כ
יָמֻתוּ אוֹ בְגִשְׁתָּם אֶל־הַמִּזְבֵּחַ לְשָׁרֵת לְהַקְטִיר אִשֶּׁה
לַיהוָה׃ וְרָחֲצוּ יְדֵיהֶם וְרַגְלֵיהֶם וְלֹא יָמֻתוּ וְהָיְתָה לָהֶם כא
חָק־עוֹלָם לוֹ וּלְזַרְעוֹ לְדֹרֹתָם׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ וְאַתָּה קַח־לְךָ בְּשָׂמִים כב כג
רֹאשׁ מָר־דְּרוֹר חֲמֵשׁ מֵאוֹת וְקִנְּמָן־בֶּשֶׂם מַחֲצִיתוֹ חֲמִשִּׁים
וּמָאתָיִם וּקְנֵה־בֹשֶׂם חֲמִשִּׁים וּמָאתָיִם׃ וְקִדָּה חֲמֵשׁ כד
מֵאוֹת בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ וְשֶׁמֶן זַיִת הִין׃ וְעָשִׂיתָ אֹתוֹ שֶׁמֶן כה
מִשְׁחַת־קֹדֶשׁ רֹקַח מִרְקַחַת מַעֲשֵׂה רֹקֵחַ שֶׁמֶן מִשְׁחַת־
קֹדֶשׁ יִהְיֶה׃ וּמָשַׁחְתָּ בוֹ אֶת־אֹהֶל מוֹעֵד וְאֵת אֲרוֹן הָעֵדֻת׃ כו
וְאֶת־הַשֻּׁלְחָן וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֶת־הַמְּנֹרָה וְאֶת־כֵּלֶיהָ וְאֵת כז
מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת׃ וְאֶת־מִזְבַּח הָעֹלָה וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֶת־ כח
הַכִּיֹּר וְאֶת־כַּנּוֹ׃ וְקִדַּשְׁתָּ אֹתָם וְהָיוּ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים כָּל־ כט
הַנֹּגֵעַ בָּהֶם יִקְדָּשׁ׃ וְאֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו תִּמְשָׁח וְקִדַּשְׁתָּ ל
אֹתָם לְכַהֵן לִי׃ וְאֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תְּדַבֵּר לֵאמֹר שֶׁמֶן לא

פון ישראל לויט זייער ציילונג, זאָלן זיי געבן איטלעכער אַן אויסלייז פאַר זיין נפש צו גאָט, ווען מע ציילט זיי, כּדי עס זאָל ניט זיין צווישן זיי אַ מגפה, ווען מע ציילט זיי.
13 דאָס זאָלן זיי געבן, איטלעכער וואָס גייט אַריין אין דער ציילונג: אַ האַלבן שֶׁקל, אויפן הייליקן שֶׁקל—צוואַנציק גֵרָה אַ שֶׁקל—אַ האַלבן שֶׁקל אַן אָפּשיידונג צו גאָט.
14 איטלעכער וואָס גייט אַריין אין דער ציילונג, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, זאָל געבן די אָפּשיידונג פון גאָט.
15 דער רייכער זאָל ניט מערן, און דער אָרימער זאָל ניט מינערן פון אַ האַלבן שֶׁקל, ביים געבן די אָפּשיידונג פון גאָט, כּדי מכפּר צו זיין אויף אייערע נפשות.
16 און זאָלסט נעמען דאָס געלט פון פאַרגעבונג, פון די קינדער פון ישׂראל, און זאָלסט עס געבן פאַר דער אַרבעט פון אוהל־מועד, און עס זאָל זיין די קינדער פון ישראל פאַר אַ דערמאָנונג פאַר גאָט, מכפּר צו זיין אויף אייערע נפשות.

17 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:
18 זאָלסט אויך מאַכן אַ האַנטפאַס פון קופּער, מיט זיין געשטעל פון קופּער, זיך צו וואַשן; און זאָלסט אים אַוועקשטעלן צווישן אוהל־מועד און צווישן מזבח, און אַריינטאָן אַהין וואַסער.
19 און אַהרן און זיינע זין זאָלן וואַשן פון אים זייערע הענט און זייערע פיס.
20 ווען זיי קומען אין אוהל־מועד, זאָלן זיי זיך וואַשן מיט וואַסער, כּדי זיי זאָלן ניט שטאַרבן; אָדער ווען זיי גענענען צום מזבח צו דינען, צו דעמפן אַ פייעראָפּפער צו גאָט.
21 און זיי זאָלן וואַשן זייערע הענט און זייערע פיס, כּדי זיי זאָלן ניט שטאַרבן; און עס זאָל זיי זיין אַן אייביק געזעץ, אים און זיין זאָמען אויף דור־דורות.

22 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:
23 דו נעם דיר אויך הויפּטגעווירצן, פליסיקע מירע פינף הונדערט [שֶׁקל], און געווירציקן צימערינג אַ העלפט דערפון, צוויי הונדערט און פופציק, און געווירצראָר צוויי הונדערט און פופציק,
24 און קאַניל פינף הונדערט, אויפן הייליקן שֶׁקל, און בוימל אַ הין.
25 און זאָלסט מאַכן דערפון אַן אייל פון הייליקער זאַלבונג, אַ בשׂמים צובאַרייט אַזוי ווי דער בשׂמים־מישער מאַכט; אַן אייל פון הייליקער זאַלבונג זאָל עס זיין.
26 און זאָלסט זאַלבן דערמיט דעם אוהל־מועד, און דעם אָרון פון געזעץ,
27 און דעם טיש און אַלע זיינע כּלים, און די מנורה און אירע כּלים, און דעם מזבח פאַר ווייררויך,
28 און דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער און אַלע זיינע כּלים, און דעם האַנטפאַס און זיין געשטעל.
29 און זאָלסט זיי הייליקן, זיי זאָלן זיין אַ הייליקסטע הייליקייט; אַלץ וואָס רירט זיך אָן זיי אָן זאָל ווערן הייליק.
30 און אַהרנען און זיינע זין זאָלסטו זאַלבן און זיי הייליקן צו זיין כּהנים צו מיר.
31 און צו די קינדער פון ישראל זאָלסטו רעדן, אַזוי צו זאָגן: אַן אייל

פון הייליקער זאַלבונג זאָל דאָס זיין צו מיר אויף אײַערע דור־דורות. 32 אויף אַ מענטשנס לייב זאָל עס ניט געגאָסן ווערן, און איר זאָלט ניט מאַכן אַזוינס, לויט דער צונויפ־מישונג דערפון; הייליק איז דאָס, הייליק זאָל עס אײַך זיין. 33 איטלעכער וואָס וועט צוברייטן אַזוינס, אָדער וואָס וועט אַרויפטאָן דערפון אויף אַ פרעמדן, וועט פאַר־שניטן ווערן פון זיין פאָלק.

34 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: נעם דיר שמע־קעדיקע געווירצן, טריפגעווירץ, און רייכערנעגל, און גאַלאַבאַן; שמעקעדיקע געווירצן, און לויטערן ווייִרויך; גלייך אויף גלייך זאָלן זיי זיין. 35 און זאָלסט מאַכן דער־פון אַ רייכערוואַרג, אַ בשמים אַזוי ווי דער בשמים־מישער מאַכט, צוגעריכט מיט זאַלץ, ריין, הייליק. 36 און זאָלסט דערפון דין צערייבן, און אַרויפטאָן דערפון פאַר דעם געזעץ אין אוהל־מועד, וואָס דאָרטן וועל איך זיך אַנט־פלעקן צו דיר; אַ הייליקסטע הייליקייט זאָל עס אײַך זיין. 37 און דאָס רייכערוואַרג וואָס דו וועסט מאַכן–לויט זיין צונויפמישונג זאָלט איר פאַר זיך ניט מאַכן; הייליק צו גאָט זאָל עס דיר זיין. 38 איטלעכער וואָס וועט מאַכן אַזוינס, צו שמעקן דערפון, וועט פאַרשניטן ווערן פון זיין פאָלק.

לב מִשְׁחַת־קֹדֶשׁ יִהְיֶה זֶה לִי לְדֹרֹתֵיכֶם׃ עַל־בְּשַׂר אָדָם
לֹא יִיסָךְ וּבְמַתְכֻּנְתּוֹ לֹא תַעֲשׂוּ כָּמֹהוּ קֹדֶשׁ הוּא קֹדֶשׁ
לג יִהְיֶה לָכֶם׃ אִישׁ אֲשֶׁר יִרְקַח כָּמֹהוּ וַאֲשֶׁר יִתֵּן מִמֶּנּוּ עַל־
לד זָר וְנִכְרַת מֵעַמָּיו׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה קַח־לְךָ
סַמִּים נָטָף ׀ וּשְׁחֵלֶת וְחֶלְבְּנָה סַמִּים וּלְבֹנָה זַכָּה בַּד בְּבַד
לה יִהְיֶה׃ וְעָשִׂיתָ אֹתָהּ קְטֹרֶת רֹקַח מַעֲשֵׂה רוֹקֵחַ מְמֻלָּח
לו טָהוֹר קֹדֶשׁ׃ וְשָׁחַקְתָּ מִמֶּנָּה הָדֵק וְנָתַתָּה מִמֶּנָּה לִפְנֵי
הָעֵדֻת בְּאֹהֶל מוֹעֵד אֲשֶׁר אִוָּעֵד לְךָ שָׁמָּה קֹדֶשׁ קָדָשִׁים
לז תִּהְיֶה לָכֶם׃ וְהַקְּטֹרֶת אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה בְּמַתְכֻּנְתָּהּ לֹא
לח תַעֲשׂוּ לָכֶם קֹדֶשׁ תִּהְיֶה לְךָ לַיהוָה׃ אִישׁ אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה
כָמוֹהָ לְהָרִיחַ בָּהּ וְנִכְרַת מֵעַמָּיו׃ ס

## לא

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ רְאֵה קָרָאתִי בְשֵׁם בְּצַלְאֵל
ב
ג בֶּן־אוּרִי בֶן־חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה׃ וָאֲמַלֵּא אֹתוֹ רוּחַ אֱלֹהִים
ד בְּחָכְמָה וּבִתְבוּנָה וּבְדַעַת וּבְכָל־מְלָאכָה׃ לַחְשֹׁב מַחֲשָׁבֹת
ה לַעֲשׂוֹת בַּזָּהָב וּבַכֶּסֶף וּבַנְּחֹשֶׁת׃ וּבַחֲרֹשֶׁת אֶבֶן לְמַלֹּאת
ו וּבַחֲרֹשֶׁת עֵץ לַעֲשׂוֹת בְּכָל־מְלָאכָה׃ וַאֲנִי הִנֵּה נָתַתִּי אִתּוֹ
אֵת אָהֳלִיאָב בֶּן־אֲחִיסָמָךְ לְמַטֵּה־דָן וּבְלֵב כָּל־חֲכַם־לֵב
ז נָתַתִּי חָכְמָה וְעָשׂוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוִּיתִךָ׃ אֵת ׀ אֹהֶל מוֹעֵד
וְאֶת־הָאָרֹן לָעֵדֻת וְאֶת־הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עָלָיו וְאֵת כָּל־כְּלֵי
ח הָאֹהֶל׃ וְאֶת־הַשֻּׁלְחָן וְאֶת־כֵּלָיו וְאֶת־הַמְּנֹרָה הַטְּהֹרָה
ט וְאֶת־כָּל־כֵּלֶיהָ וְאֵת מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת׃ וְאֶת־מִזְבַּח הָעֹלָה
י וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֶת־הַכִּיּוֹר וְאֶת־כַּנּוֹ׃ וְאֵת בִּגְדֵי הַשְּׂרָד וְאֶת־
יא בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ לְאַהֲרֹן הַכֹּהֵן וְאֶת־בִּגְדֵי בָנָיו לְכַהֵן׃ וְאֵת
שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְאֶת־קְטֹרֶת הַסַּמִּים לַקֹּדֶשׁ כְּכֹל אֲשֶׁר־
צִוִּיתִךָ יַעֲשׂוּ׃ פ
יב וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ וְאַתָּה דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
יג לֵאמֹר אַךְ אֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ כִּי אוֹת הִוא בֵּינִי וּבֵינֵיכֶם

לא 1 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן אַזוי צו זאָגן: 2 זע, איך האָב גערופן מיטן נאָמען[א] בצלאל דעם זון פון אורי דעם זון פון חורן, פון שבט יהודה, 3 און איך האָב אים אָנגעפילט מיטן גייסט פון גאָט, אין חכמה, און אין פאַרשטאַנדיקייט און אין קענשאַפט, און אין יעטוועדער מלאָכה, 4 אויסצוקינצלען קונציקע זאַכן, צו אַרבעטן אין גאָלד, און אין זילבער, און אין קופּער; 5 און אין שניידונג פון שטיינער צום אײַנפאַסן, און אין שניצונג פון האָלץ, צו אַרבעטן אין יעטוועדער מלאָכה. 6 און איך, זע, האָב צוגעגעבן צו אים אָהליאָב דעם זון פון אַחיסמָכן, פון שבט דָן; און אין האַרצן פון אַלע קלוגהאַרציקע האָב איך אַרײַנגעגעבן חכמה, אַז זיי זאָלן מאַכן אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפוילן: 7 דעם אוהל־מועד, און דעם אָרון פאַרן געזעץ, און דעם דעק וואָס איבער אים, און אַלע כלים פון געצעלט; 8 און דעם טיש און זיינע כלים, און די ריינע מנורה און אַלע אירע כלים, און דעם מזבח פאַר ווייִרויך; 9 און דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער און אַלע זיינע כלים, און דעם האַנטפאַס און זיין געשטעל; 10 און די געשטריקטע קליידער, און די הייליקע קליידער פאַר אַהרן דעם כהן, און די קליידער פון זיינע זין, אויף צו טאָן די כהונה; 11 און דאָס אייל פון זאַלבונג, און דעם ווייִרויך פון שמעקעדיקע געווירצן פאַרן הייליקטום; אַזוי ווי אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפוילן, זאָלן זיי טאָן.

12 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 13 דו רעד אויך צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט נאָר אָפּהיטן מיינע שבתים, וואָרום אַ צייכן איז דאָס צווישן מיר און צווישן אײַך אויף

[א] ד. ה. אויסגעצייכנט, אויסדערוויילט.

לְדֹרֹתֵיכֶם לָדַעַת כִּי אֲנִי יְהוָה מְקַדִּשְׁכֶם׃ וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־ יד
הַשַּׁבָּת כִּי קֹדֶשׁ הִוא לָכֶם מְחַלְלֶיהָ מוֹת יוּמָת כִּי כָּל־
הָעֹשֶׂה בָהּ מְלָאכָה וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מִקֶּרֶב עַמֶּיהָ׃
שֵׁשֶׁת יָמִים יֵעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן טו
קֹדֶשׁ לַיהוָה כָּל־הָעֹשֶׂה מְלָאכָה בְּיוֹם הַשַּׁבָּת מוֹת יוּמָת׃
וְשָׁמְרוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשַּׁבָּת לַעֲשׂוֹת אֶת־הַשַּׁבָּת טז
לְדֹרֹתָם בְּרִית עוֹלָם׃ בֵּינִי וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אוֹת הִוא יז
לְעֹלָם כִּי־שֵׁשֶׁת יָמִים עָשָׂה יְהוָה אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ
וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שָׁבַת וַיִּנָּפַשׁ׃ ס וַיִּתֵּן אֶל־מֹשֶׁה כְּכַלֹּתוֹ שני
לְדַבֵּר אִתּוֹ בְּהַר סִינַי שְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת לֻחֹת אֶבֶן כְּתֻבִים
בְּאֶצְבַּע אֱלֹהִים׃

## לב

וַיַּרְא הָעָם כִּי־בֹשֵׁשׁ מֹשֶׁה לָרֶדֶת מִן־הָהָר וַיִּקָּהֵל הָעָם א
עַל־אַהֲרֹן וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו קוּם ׀ עֲשֵׂה־לָנוּ אֱלֹהִים אֲשֶׁר
יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ כִּי־זֶה ׀ מֹשֶׁה הָאִישׁ אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ מֵאֶרֶץ
מִצְרַיִם לֹא יָדַעְנוּ מֶה־הָיָה לוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַהֲרֹן ב
פָּרְקוּ נִזְמֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר בְּאָזְנֵי נְשֵׁיכֶם בְּנֵיכֶם וּבְנֹתֵיכֶם
וְהָבִיאוּ אֵלָי׃ וַיִּתְפָּרְקוּ כָּל־הָעָם אֶת־נִזְמֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר ג
בְּאָזְנֵיהֶם וַיָּבִיאוּ אֶל־אַהֲרֹן׃ וַיִּקַּח מִיָּדָם וַיָּצַר אֹתוֹ בַּחֶרֶט ד
וַיַּעֲשֵׂהוּ עֵגֶל מַסֵּכָה וַיֹּאמְרוּ אֵלֶּה אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיַּרְא אַהֲרֹן וַיִּבֶן מִזְבֵּחַ לְפָנָיו וַיִּקְרָא ה
אַהֲרֹן וַיֹּאמַר חַג לַיהוָה מָחָר׃ וַיַּשְׁכִּימוּ מִמָּחֳרָת וַיַּעֲלוּ עֹלֹת ו
וַיַּגִּשׁוּ שְׁלָמִים וַיֵּשֶׁב הָעָם לֶאֱכֹל וְשָׁתוֹ וַיָּקֻמוּ לְצַחֵק׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֶךְ־רֵד כִּי שִׁחֵת עַמְּךָ אֲשֶׁר הֶעֱלֵיתָ ז
מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ סָרוּ מַהֵר מִן־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר צִוִּיתִם עָשׂוּ ח
לָהֶם עֵגֶל מַסֵּכָה וַיִּשְׁתַּחֲווּ־לוֹ וַיִּזְבְּחוּ־לוֹ וַיֹּאמְרוּ אֵלֶּה
אֱלֹהֶיךָ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֶעֱלוּךָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה ט
אֶל־מֹשֶׁה רָאִיתִי אֶת־הָעָם הַזֶּה וְהִנֵּה עַם־קְשֵׁה־עֹרֶף הוּא׃

---

לא, יד' קמץ מ"ק

אײַערע דור־דורות, כּדי איר זאָלט װיסן, אַז איך יהוה הײליק אײַך. 14 און איר זאָלט היטן שבת, װאָרום ער איז הײליק פֿאַר אײַך; דער װאָס פֿאַרשװעכט אים, זאָל טײטן געטײט װערן; װאָרום איטלעכער װאָס טוט אין אים אַן אַרבעט, יענע זעל זאָל פֿאַרשניטן װערן פֿון צװישן איר פֿאָלק. 15 זעקס טעג זאָל געטאָן װערן אַרבעט, אָבער אויפֿן זיבעטן טאָג זאָל זײַן אַ שבת פֿון רואונג, הײליק צו גאָט; איטלעכער װאָס טוט אַן אַרבעט אין טאָג פֿון שבת, זאָל טײטן געטײט װערן. 16 און די קינדער פֿון ישׂראל זאָלן היטן שבת, צו האַלטן שבת אויף זײערע דור־דורות; אַן אײביקער בונד. 17 צװישן מיר און צװישן די קינדער פֿון ישׂראל איז דאָס אַ צײכן אויף אײביק, אַז זעקס טעג האָט גאָט געמאַכט דעם הימל און די ערד, און אויפֿן זיבעטן טאָג האָט ער אויפֿגעהערט און גערוט.

18 און ער האָט געגעבן משהן, װי ער האָט געענדיקט רעדן מיט אים אויפֿן באַרג סיני, די צװײ לוחות פֿון געזעץ, שטײנערנע לוחות געשריבן מיט דעם פֿינגער פֿון גאָט.

## לב

1 און װי דאָס פֿאָלק האָט געזען, אַז משה זאַמט זיך אַראָפּצונידערן פֿון באַרג, אַזױ האָט דאָס פֿאָלק זיך אײַנגעזאַמלט אַרום אַהרנען, און זײ האָבן צו אים געזאָגט: שטײ אויף, מאַך אונדז אַ גאָט װאָס זאָל גײן פֿאַר אונדז; װאָרום דער דאָזיקער מאַן משה, װאָס האָט אונדז אויפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם, װײסן מיר ניט װאָס מיט אים איז געװאָרן.

2 האָט אַהרן צו זײ געזאָגט: נעמט אַראָפּ די גילדערנע אוירינגען װאָס אין די אויערן פֿון אײַערע װײַבער, אײַערע זין, און אײַערע טעכטער, און ברענגט צו מיר.

3 האָט דאָס גאַנצע פֿאָלק אַראָפּגענומען פֿון זיך די גילדערנע אוירינגען װאָס אין זײערע אויערן, און געבראַכט צו אַהרנען. 4 און ער האָט צוגענומען פֿון זײער האַנט, און האָט עס אויסגעפֿורעמט אין אַ פֿורעם, און האָט דערפֿון געמאַכט אַ געגאָסן קאַלב; און זײ האָבן געזאָגט: דאָס איז דײַן גאָט, ישׂראל, װאָס האָט דיך אויפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם.

5 און װי אַהרן האָט דאָס געזען, אַזױ האָט ער געבױט פֿאַר אים אַ מזבח, און אַהרן האָט אויסגערופֿן און געזאָגט: אַ יום־טוב צו יהוה איז מאָרגן. 6 און זײ האָבן זיך געפֿעדערט אויף מאָרגן, און האָבן אויפֿגעבראַכט בראַנדאָפּפֿער, און גענענט פֿרידאָפּפֿער; און דאָס פֿאָלק האָט זיך געזעצט עסן און טרינקען, און זײ זײַנען אויפֿגעשטאַנען זיך לוסטיק צו מאַכן.

7 האָט גאָט גערעדט צו משהן: גײ נידער אַראָפּ, װאָרום פֿאַרדאָרבן געװאָרן איז דײַן פֿאָלק, װאָס דו האָסט אויפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם; 8 זײ האָבן זיך גיך אָפּגעקערט פֿון דעם װעג װאָס איך האָב זײ באַפֿוילן; זײ האָבן זיך געמאַכט אַ געגאָסן קאַלב, און האָבן זיך געבוקט צו אים, און געשלאַכט צו אים, און געזאָגט: דאָס איז דײַן גאָט, ישׂראל, װאָס האָט דיך אויפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם. 9 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: איך האָב געזען דאָס דאָזיקע פֿאָלק, ערשט עס איז אַ האַרטנעקיק פֿאָלק;

וְעַתָּה הַנִּיחָה לִּי וְיִחַר־אַפִּי בָהֶם וַאֲכַלֵּם וְאֶעֱשֶׂה אוֹתְךָ
יא לְגוֹי גָּדוֹל׃ וַיְחַל מֹשֶׁה אֶת־פְּנֵי יְהוָה אֱלֹהָיו וַיֹּאמֶר לָמָה
יְהוָה יֶחֱרֶה אַפְּךָ בְּעַמֶּךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם בְּכֹחַ
יב גָּדוֹל וּבְיָד חֲזָקָה׃ לָמָּה יֹאמְרוּ מִצְרַיִם לֵאמֹר בְּרָעָה
הוֹצִיאָם לַהֲרֹג אֹתָם בֶּהָרִים וּלְכַלֹּתָם מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה
יג שׁוּב מֵחֲרוֹן אַפֶּךָ וְהִנָּחֵם עַל־הָרָעָה לְעַמֶּךָ׃ זְכֹר לְאַבְרָהָם
לְיִצְחָק וּלְיִשְׂרָאֵל עֲבָדֶיךָ אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ לָהֶם בָּךְ וַתְּדַבֵּר
אֲלֵהֶם אַרְבֶּה אֶת־זַרְעֲכֶם כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמָיִם וְכָל־הָאָרֶץ
יד הַזֹּאת אֲשֶׁר אָמַרְתִּי אֶתֵּן לְזַרְעֲכֶם וְנָחֲלוּ לְעֹלָם׃ וַיִּנָּחֶם
יְהוָה עַל־הָרָעָה אֲשֶׁר דִּבֶּר לַעֲשׂוֹת לְעַמּוֹ׃ פ
טו וַיִּפֶן וַיֵּרֶד מֹשֶׁה מִן־הָהָר וּשְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת בְּיָדוֹ לֻחֹת
טז כְּתֻבִים מִשְּׁנֵי עֶבְרֵיהֶם מִזֶּה וּמִזֶּה הֵם כְּתֻבִים׃ וְהַלֻּחֹת
מַעֲשֵׂה אֱלֹהִים הֵמָּה וְהַמִּכְתָּב מִכְתַּב אֱלֹהִים הוּא חָרוּת
יז עַל־הַלֻּחֹת׃ וַיִּשְׁמַע יְהוֹשֻׁעַ אֶת־קוֹל הָעָם בְּרֵעֹה וַיֹּאמֶר
יח אֶל־מֹשֶׁה קוֹל מִלְחָמָה בַּמַּחֲנֶה׃ וַיֹּאמֶר אֵין קוֹל עֲנוֹת
יט גְּבוּרָה וְאֵין קוֹל עֲנוֹת חֲלוּשָׁה קוֹל עַנּוֹת אָנֹכִי שֹׁמֵעַ׃ וַיְהִי
כַּאֲשֶׁר קָרַב אֶל־הַמַּחֲנֶה וַיַּרְא אֶת־הָעֵגֶל וּמְחֹלֹת וַיִּחַר־
אַף מֹשֶׁה וַיַּשְׁלֵךְ מִיָּדָו אֶת־הַלֻּחֹת וַיְשַׁבֵּר אֹתָם תַּחַת
כ הָהָר׃ וַיִּקַּח אֶת־הָעֵגֶל אֲשֶׁר עָשׂוּ וַיִּשְׂרֹף בָּאֵשׁ וַיִּטְחַן עַד
אֲשֶׁר־דָּק וַיִּזֶר עַל־פְּנֵי הַמַּיִם וַיַּשְׁקְ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
כא וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן מֶה־עָשָׂה לְךָ הָעָם הַזֶּה כִּי־הֵבֵאתָ
כב עָלָיו חֲטָאָה גְדֹלָה׃ וַיֹּאמֶר אַהֲרֹן אַל־יִחַר אַף אֲדֹנִי אַתָּה
כג יָדַעְתָּ אֶת־הָעָם כִּי בְרָע הוּא׃ וַיֹּאמְרוּ לִי עֲשֵׂה־לָנוּ אֱלֹהִים
אֲשֶׁר יֵלְכוּ לְפָנֵינוּ כִּי־זֶה ׀ מֹשֶׁה הָאִישׁ אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ מֵאֶרֶץ
כד מִצְרַיִם לֹא יָדַעְנוּ מֶה־הָיָה לוֹ׃ וָאֹמַר לָהֶם לְמִי זָהָב
הִתְפָּרָקוּ וַיִּתְּנוּ־לִי וָאַשְׁלִכֵהוּ בָאֵשׁ וַיֵּצֵא הָעֵגֶל הַזֶּה׃
כה וַיַּרְא מֹשֶׁה אֶת־הָעָם כִּי פָרֻעַ הוּא כִּי־פְרָעֹה אַהֲרֹן

יז׳ ברש ק  יט׳ מידיו ק

10 און אַצונד לאָז מיך, און מיין צאָרן וועט גרימען אויף זיי, און איך וועל זיי פאַרלענדן, און וועל דיך מאַכן פאַר אַ גרויס פאָלק.

11 האָט משה געבעטן פאַר יהוה זיין גאָט, און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָס, גאָט, זאָל גרימען דיין צאָרן אויף דיין פאָלק, וואָס דו האָסט אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם מיט גרויס כּוח און מיט אַ שטאַרקער האַנט? 12 פאַרוואָס זאָלן זאָגן די מִצרים, אַזוי צו זאָגן: צום בייזן האָט ער זיי אַרויסגעצויגן, כּדי זיי צו הרגען אין די בערג, און זיי צו פאַרלענדן פון דעם געזיכט פון דער ערד? קער זיך אָפּ פון דיין גרימצאָרן, און האָב חרטה אויף דעם בייז צו דיין פאָלק. 13 דערמאָן זיך אָן אַברהם, אָן יצחק, און אָן ישׂראל, דיינע קנעכט, וואָס דו האָסט זיי געשוואָרן ביי זיך, און האָסט צו זיי גערעדט: איך וועל מערן אַייער זאָמען אַזוי ווי די שטערן פון הימל, און דאָסדאָזיקע גאַנצע לאַנד וואָס איך האָב געזאָגט, וועל איך געבן צו אַייער זאָמען, און זיי וועלן עס אַרבן אויף אייביק.

14 האָט גאָט חרטה געהאַט אויף דעם בייז וואָס ער האָט געזאָגט צו טאָן צו זיין פאָלק.

15 און משה האָט זיך אומגעקערט, און האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג, מיט די צוויי לוחות פון געזעץ אין זיין האַנט, לוחות באַשריבן פון זייערע ביידע זייטן; פון דער זייט און פון יענער זייט זיינען זיי געווען באַשריבן. 16 און די לוחות זיינען געווען די אַרבעט פון גאָט, און דער כּתב איז געווען דער כּתב פון גאָט, אויסגעקריצט אויף די לוחות.

17 און יהושעַ האָט געהערט דעם קָול פון דעם פאָלק אין זיין שאַלן, און ער האָט געזאָגט צו משהן: אַ קָול פון מלחמה איז אין לאַגער. 18 האָט ער געזאָגט: עס איז ניט אַ קָול פון געשריי פון גבורה, און ניט אַ קָול פון געשריי פון שוואַכקייט; אַ קָול פון זינגען הער איך.

19 און עס איז געווען, ווי ער האָט גענענט צום לאַגער, און האָט געזען דאָס קאַלב און די טענץ, אַזוי האָט געגרימט דער צאָרן פון משהן, און ער האָט אַ וואָרף געטאָן פון זיינע הענט די לוחות, און האָט זיי צעבראָכן אונטערן באַרג. 20 און ער האָט גענומען דאָס קאַלב, וואָס זיי האָבן געמאַכט, און האָט פאַרברענט אין פייער, און צעמאָלן ביז וואַנען עס איז געוואָרן דין, און האָט צעשאָטן אויפן וואַסער, און געגעבן טרינקען די קינדער פון ישׂראל.

21 און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען: וואָס האָט דיר דאָסדאָזיקע פאָלק געטאָן, וואָס דו האָסט געבראַכט אויף אים אַ גרויסע זינד?

22 האָט אַהרן געזאָגט: זאָל ניט גרימען דער צאָרן פון מיין האַר; דו קענסט דאָס פאָלק, אַז ער איז שלעכט. 23 האָבן זיי צו מיר געזאָגט: מאַך אונדז אַ גאָט וואָס זאָל גיין פאַר אונדז, וואָרום דערדאָזיקער מאַן משה, וואָס האָט אונדז אויפגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם, ווייסן מיר ניט וואָס מיט אים איז געוואָרן. 24 האָב איך צו זיי געזאָגט: ווער עס האָט גאָלד, נעמט אַראָפּ פון זיך; און זיי האָבן מיר געגעבן, און איך האָב עס אַריינגעוואָרפן אין פייער, און עס איז אַרויסגעקומען דאָסדאָזיקע קאַלב.

25 און משה האָט געזען דאָס פאָלק, אַז עס איז צעווילדערט, ווייל אַהרן האָט עס צעווילדערט, צו

כו לְשִׁמְצָה בְּקָמֵיהֶם: וַיַּעֲמֹד מֹשֶׁה בְּשַׁעַר הַמַּחֲנֶה וַיֹּאמֶר
כז מִי לַיהוָה אֵלָי וַיֵּאָסְפוּ אֵלָיו כָּל־בְּנֵי לֵוִי: וַיֹּאמֶר לָהֶם
כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל שִׂימוּ אִישׁ־חַרְבּוֹ עַל־יְרֵכוֹ
עִבְרוּ וָשׁוּבוּ מִשַּׁעַר לָשַׁעַר בַּמַּחֲנֶה וְהִרְגוּ אִישׁ־אֶת־אָחִיו
כח וְאִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ וְאִישׁ אֶת־קְרֹבוֹ: וַיַּעֲשׂוּ בְנֵי־לֵוִי כִּדְבַר
מֹשֶׁה וַיִּפֹּל מִן־הָעָם בַּיּוֹם הַהוּא כִּשְׁלֹשֶׁת אַלְפֵי אִישׁ:
כט וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה מִלְאוּ יֶדְכֶם הַיּוֹם לַיהוָה כִּי אִישׁ בִּבְנוֹ
ל וּבְאָחִיו וְלָתֵת עֲלֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה: וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה אֶל־הָעָם אַתֶּם חֲטָאתֶם חֲטָאָה גְדֹלָה וְעַתָּה אֶעֱלֶה
לא אֶל־יְהוָה אוּלַי אֲכַפְּרָה בְּעַד חַטַּאתְכֶם: וַיָּשָׁב מֹשֶׁה אֶל־
יְהוָה וַיֹּאמַר אָנָּא חָטָא הָעָם הַזֶּה חֲטָאָה גְדֹלָה וַיַּעֲשׂוּ
לב לָהֶם אֱלֹהֵי זָהָב: וְעַתָּה אִם־תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם־אַיִן מְחֵנִי
לג נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ: וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה מִי אֲשֶׁר
לד חָטָא־לִי אֶמְחֶנּוּ מִסִּפְרִי: וְעַתָּה לֵךְ ׀ נְחֵה אֶת־הָעָם אֶל
אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי לָךְ הִנֵּה מַלְאָכִי יֵלֵךְ לְפָנֶיךָ וּבְיוֹם פָּקְדִי
לה וּפָקַדְתִּי עֲלֵהֶם חַטָּאתָם: וַיִּגֹּף יְהוָה אֶת־הָעָם עַל אֲשֶׁר
עָשׂוּ אֶת־הָעֵגֶל אֲשֶׁר עָשָׂה אַהֲרֹן: ס

לג

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵךְ עֲלֵה מִזֶּה אַתָּה וְהָעָם אֲשֶׁר
הֶעֱלִיתָ מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי לְאַבְרָהָם
ב לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב לֵאמֹר לְזַרְעֲךָ אֶתְּנֶנָּה: וְשָׁלַחְתִּי לְפָנֶיךָ
מַלְאָךְ וְגֵרַשְׁתִּי אֶת־הַכְּנַעֲנִי הָאֱמֹרִי וְהַחִתִּי וְהַפְּרִזִּי הַחִוִּי
ג וְהַיְבוּסִי: אֶל־אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ כִּי לֹא אֶעֱלֶה בְּקִרְבְּךָ
ד כִּי עַם־קְשֵׁה־עֹרֶף אַתָּה פֶּן־אֲכֶלְךָ בַּדָּרֶךְ: וַיִּשְׁמַע הָעָם
אֶת־הַדָּבָר הָרָע הַזֶּה וַיִּתְאַבָּלוּ וְלֹא־שָׁתוּ אִישׁ עֶדְיוֹ עָלָיו:
ה וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל אַתֶּם עַם־
קְשֵׁה־עֹרֶף רֶגַע אֶחָד אֶעֱלֶה בְקִרְבְּךָ וְכִלִּיתִיךָ וְעַתָּה הוֹרֵד

לב,כה׳ ק׳ דגושה לא׳ ב׳ טעמים

שאַנד ביי זייערע פיינט. 26 האָט משה זיך געשטעלט אין טויער פון לאַגער, און האָט געזאָגט: ווער פאַר יהוה, צו מיר! האָבן זיך אַיינגעזאַמלט צו אים אַלע קינדער פון לֵוִי. 27 און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל: טוט אָן איטלעכער זיין שווערד אויף זיין דיך, גייט דורך הין און צוריק פון טויער צו טויער אין לאַגער, און הרגעט איטלעכער זיין ברודער, און איטלעכער זיין חבר, און איטלעכער זיין קרוב.

28 האָבן די קינדער פון לֵוִי געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון משהן, און עס זיינען געפאַלן פון פאָלק אין יענעם טאָג אַרום דריי טויזנט מאַן. 29 און משה האָט געזאָגט: דערפילט אַייער האַנט[א] היינט צו גאָט, ווייל איטלעכער איז געווען אַקעגן זיין זון, און אַקעגן זיין ברודער, און כדי אַייך היינט צו געבן אַ ברכה.

30 און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט משה געזאָגט צום פאָלק: איר האָט געזינדיקט אַ גרויסע זינד; און אַצונד וועל איך אַרויפגיין צו גאָט, אפשר וועל איך מכפר זיין אויף אַייער זינד.

31 האָט משה זיך אומגעקערט צו גאָט, און האָט געזאָגט: איך בעט דיך, דאָסדאָזיקע פאָלק האָט געזינדיקט אַ גרויסע זינד, און זיי האָבן זיך געמאַכט אַ גאָט פון גאָלד. 32 איז, אַצונד, אויב דו וועסט פאַרגעבן זייער זינד—, און אויב ניט, מעק מיך אויס, איך בעט דיך, פון דיין בוך וואָס דו האָסט געשריבן.

33 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: ווער עס האָט געזינדיקט צו מיר, אים וועל איך אויסמעקן פון מיין בוך. 34 און אַצונד גיי פיר דאָסדאָזיקע פאָלק אַהין ווו איך האָב דיר געזאָגט; זע, מיין מלאך וועט גיין דיר פאַרויס; אָבער אין דעם טאָג, וואָס איך רעכן זיך, וועל איך זיך רעכענען מיט זיי פאַר זייער זינד.

35 און גאָט האָט געפּלאָגט דאָס פאָלק פאַרוואָס זיי האָבן געמאַכט דאָס קאַלב, וואָס אַהרן האָט געמאַכט.

לג 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן: קום, גיי אַרויף פון דאַנען, דו און דאָס פאָלק וואָס דו האָסט אויפגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם, צו דעם לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרן צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן, אַזוי צו זאָגן: צו דיין זאָמען וועל איך עס געבן—2 און איך וועל שיקן דיר פאַרויס אַ מלאך, און וועל פאַרטרייבן דעם כּנַעֲנִי, דעם אֱמוֹרִי, און דעם חִתִּי, און דעם פּרִזִי, דעם חִוִי, און דעם יבוסי—3 צו אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק—וואָרום איך וועל ניט אַרויפגיין צווישן דיר, ווייל אַ האַרטנעקיק פאָלק ביסטו; איך קען דיך נאָך פאַרלענדן אויפן וועג.

4 האָט דאָס פאָלק געהערט דעמדאָזיקן שלעכטן אָנזאָג, און זיי האָבן געטרויערט, און האָבן קיינער ניט אָנגעטאָן זיין צירונג אויף זיך.

5 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זאָג צו די קינדער פון ישׂראל: איר זייט אַ האַרטנעקיק פאָלק; איין רגע ווען איך זאָל אַרויפגיין צווישן דיר, וועל איך דיך פאַרלענדן. און אַצונד נעם אַראָפּ דיין צירונג פון

[א] ד. ה. ווייט אייך אַיין און הייליקט אַייך.

זיך, און איך וועל באַטראַכטן, וואָס איך זאָל טאָן צו דיר.
6 האָבן די קינדער פון ישראל זיך אויסגעטאָן זייער צירונג
פון באַרג חורֵב אָן.

7 און משה פלעגט נעמען דאָס געצעלט, און פלעגט
עס זיך אויפשטעלן אויסן לאַגער, ווייט פון לאַגער, און
פלעגט עס רופן אוהל־מועד[א]. און עס איז געווען, איט־
לעכער וואָס האָט געזוכט גאָט, פלעגט אַרויסגיין צום
אוהל־מועד וואָס אויסן לאַגער. 8 און עס איז געווען, ווי
משה איז אַרויסגעגאַנגען צום געצעלט, אַזוי פלעגט דאָס
גאַנצע פאָלק זיך אויפשטעלן, און שטיין איטלעכער אין
אַיינגאַנג פון זיין געצעלט, און נאָכקוקן משהן, ביז ער גייט
אַריין אין געצעלט. 9 און עס איז געווען, ווי משה איז
אַריינגעגאַנגען אין געצעלט, פלעגט אַראָפּנידערן דער
וואָלקנזייל, און שטיין ביים אַיינגאַנג פון געצעלט, און [גאָט]
פלעגט רעדן מיט משהן. 10 און דאָס גאַנצע פאָלק פלעגט
זען דעם וואָלקנזייל שטיין ביים אַיינגאַנג פון געצעלט,
און דאָס גאַנצע פאָלק פלעגט אויפשטיין, און זיך בוקן
איטלעכער ביים אַיינגאַנג פון זיין געצעלט.

11 און גאָט פלעגט רעדן צו משהן פנים אֶל פנים,
אַזוי ווי אַ מענטש רעדט צו זיין חבר. און ער פלעגט זיך
אומקערן אין לאַגער, אָבער זיין באַדינער יהושע דער זון
פון נון, אַ יונגער מאַן, פלעגט ניט אָפּטרעטן פון געצעלט.

12 און משה האָט געזאָגט צו גאָט: זע, דו זאָגסט צו
מיר: ברענג אויף דאָסדאָזיקע פאָלק, אָבער דו האָסט
מיך ניט געלאָזט וויסן, וועמען דו וועסט שיקן מיט מיר.
דו האָסט דאָך געזאָגט: איך האָב דיך דערקענט מיטן
נאָמען[ב], און האָסט אויך געפונען לייטזעליקייט אין מיינע
אויגן. 13 און אַצונד, אויב, איך בעט דיך, איך האָב גע־
פונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, לאָז מיך וויסן, איך בעט דיך, דיינע וועגן, אַז איך זאָל דיך קענען, כדי איך זאָל
געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן; און זע אַז דאָסדאָזיקע פאָלק איז דאָך דיין פאָלק.

14 האָט ער געזאָגט: מיין פנים וועט מיטגיין, און איך וועל דיך באַרוען.

15 האָט ער צו אים געזאָגט: אויב דיין פנים גייט ניט מיט אונדז, זאָלסטו אונדז ניט אויפברענגען פון דאַנען.
16 וואָרום מיט וואָס דען זאָל דערקענט ווערן, אַז איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, איך און דיין פאָלק,
אויב ניט דורך דיין גיין מיט אונדז, אַז מיר זאָלן זיין אויסגעצייכנט, איך און דיין פאָלק, פון אַלעם פאָלק וואָס אויפן
געזיכט פון דער ערד?

17 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: אויך דידאָזיקע זאַך וואָס דו האָסט געזאָגט, וועל איך טאָן, ווייל דו האָסט געפונען
לייטזעליקייט אין מיינע אויגן, און איך האָב דיך דערקענט מיטן נאָמען.

18 האָט ער געזאָגט: לאָז מיך זען דיין פראַכט, איך בעט דיך.

19 האָט ער געזאָגט: איך וועל מאַכן פאַרבייגיין אַל מיין גוטסקייט פאַר דיין פנים, און איך וועל אויס־
רופן פאַר דיר דעם נאָמען יהוה; און איך וועל לייטזעליקן וועמען איך וועל לייטזעליקן, און וועל דער־
באַרימען וועמען איך וועל דערבאַרימען. 20 און ער האָט געזאָגט: קענסט ניט זען מיין פנים, וואָרום אַ מענטש
קען מיך ניט זען און בלייבן לעבן. 21 און גאָט האָט געזאָגט: אָן איז אַן אָרט ביי מיר; זאָלסטו זיך שטעלן
אויפן פעלז. 22 און עס וועט זיין, ווען מיין פראַכט גייט פאַרביי, וועל איך דיך אַריינטאָן אין אַ שפּאַלט פון דעם פעלז,

ו עֶדְיְךָ מֵעָלֶיךָ וְאֵדְעָה מָה אֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃ וַיִּתְנַצְּלוּ בְנֵי־
ז יִשְׂרָאֵל אֶת־עֶדְיָם מֵהַר חוֹרֵב׃ וּמֹשֶׁה יִקַּח אֶת־הָאֹהֶל
וְנָטָה־לוֹ ׀ מִחוּץ לַמַּחֲנֶה הַרְחֵק מִן־הַמַּחֲנֶה וְקָרָא לוֹ
אֹהֶל מוֹעֵד וְהָיָה כָּל־מְבַקֵּשׁ יְהוָה יֵצֵא אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד
ח אֲשֶׁר מִחוּץ לַמַּחֲנֶה׃ וְהָיָה כְּצֵאת מֹשֶׁה אֶל־הָאֹהֶל
יָקוּמוּ כָּל־הָעָם וְנִצְּבוּ אִישׁ פֶּתַח אָהֳלוֹ וְהִבִּיטוּ אַחֲרֵי
ט מֹשֶׁה עַד־בֹּאוֹ הָאֹהֱלָה׃ וְהָיָה כְּבֹא מֹשֶׁה הָאֹהֱלָה יֵרֵד
י עַמּוּד הֶעָנָן וְעָמַד פֶּתַח הָאֹהֶל וְדִבֶּר עִם־מֹשֶׁה׃ וְרָאָה
כָל־הָעָם אֶת־עַמּוּד הֶעָנָן עֹמֵד פֶּתַח הָאֹהֶל וְקָם כָּל־הָעָם
יא וְהִשְׁתַּחֲווּ אִישׁ פֶּתַח אָהֳלוֹ׃ וְדִבֶּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה פָּנִים
אֶל־פָּנִים כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ וְשָׁב אֶל־הַמַּחֲנֶה
וּמְשָׁרְתוֹ יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן נַעַר לֹא יָמִישׁ מִתּוֹךְ הָאֹהֶל׃ פ
של׳ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה רְאֵה אַתָּה אֹמֵר אֵלַי הַעַל אֶת־
הָעָם הַזֶּה וְאַתָּה לֹא הוֹדַעְתַּנִי אֵת אֲשֶׁר־תִּשְׁלַח עִמִּי וְאַתָּה
יג אָמַרְתָּ יְדַעְתִּיךָ בְשֵׁם וְגַם־מָצָאתָ חֵן בְּעֵינָי׃ וְעַתָּה אִם־
נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ הוֹדִעֵנִי נָא אֶת־דְּרָכֶךָ וְאֵדָעֲךָ לְמַעַן
יד אֶמְצָא־חֵן בְּעֵינֶיךָ וּרְאֵה כִּי עַמְּךָ הַגּוֹי הַזֶּה׃ וַיֹּאמַר פָּנַי
טו יֵלֵכוּ וַהֲנִחֹתִי לָךְ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אִם־אֵין פָּנֶיךָ הֹלְכִים אַל־
טז תַּעֲלֵנוּ מִזֶּה׃ וּבַמֶּה ׀ יִוָּדַע אֵפוֹא כִּי־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲנִי
וְעַמֶּךָ הֲלוֹא בְּלֶכְתְּךָ עִמָּנוּ וְנִפְלֵינוּ אֲנִי וְעַמְּךָ מִכָּל־הָעָם
אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ פ
רב׳ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה גַּם אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ
יח אֶעֱשֶׂה כִּי־מָצָאתָ חֵן בְּעֵינַי וָאֵדָעֲךָ בְּשֵׁם׃ וַיֹּאמַר הַרְאֵנִי
יט נָא אֶת־כְּבֹדֶךָ׃ וַיֹּאמֶר אֲנִי אַעֲבִיר כָּל־טוּבִי עַל־פָּנֶיךָ
וְקָרָאתִי בְשֵׁם יְהוָה לְפָנֶיךָ וְחַנֹּתִי אֶת־אֲשֶׁר אָחֹן וְרִחַמְתִּי
כ אֶת־אֲשֶׁר אֲרַחֵם׃ וַיֹּאמֶר לֹא תוּכַל לִרְאֹת אֶת־פָּנָי כִּי
כא לֹא־יִרְאַנִי הָאָדָם וָחָי׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה הִנֵּה מָקוֹם אִתִּי וְנִצַּבְתָּ
כב עַל־הַצּוּר׃ וְהָיָה בַּעֲבֹר כְּבֹדִי וְשַׂמְתִּיךָ בְּנִקְרַת הַצּוּר

[א] געצעלט פון צוזאַמענקום אָדער אַנטפּלעקונג. זע כה, 22. [ב] ד. ה. אויסגעצייכנט, אויסדערוויילט.

וְשַׂכֹּתִי כַפִּי עָלֶיךָ עַד־עָבְרִי׃ וַהֲסִרֹתִי אֶת־כַּפִּי וְרָאִיתָ כג
אֶת־אֲחֹרָי וּפָנַי לֹא יֵרָאוּ׃ פ

לד

וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה פְּסָל־לְךָ שְׁנֵי־לֻחֹת אֲבָנִים כָּרִאשֹׁנִים חמ׳
וְכָתַבְתִּי עַל־הַלֻּחֹת אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר הָיוּ עַל־הַלֻּחֹת
הָרִאשֹׁנִים אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ׃ וֶהְיֵה נָכוֹן לַבֹּקֶר וְעָלִיתָ בַבֹּקֶר ב
אֶל־הַר סִינַי וְנִצַּבְתָּ לִי שָׁם עַל־רֹאשׁ הָהָר׃ וְאִישׁ לֹא־ ג
יַעֲלֶה עִמָּךְ וְגַם־אִישׁ אַל־יֵרָא בְּכָל־הָהָר גַּם־הַצֹּאן וְהַבָּקָר
אַל־יִרְעוּ אֶל־מוּל הָהָר הַהוּא׃ וַיִּפְסֹל שְׁנֵי־לֻחֹת אֲבָנִים ד
כָּרִאשֹׁנִים וַיַּשְׁכֵּם מֹשֶׁה בַבֹּקֶר וַיַּעַל אֶל־הַר סִינַי כַּאֲשֶׁר
צִוָּה יְהוָה אֹתוֹ וַיִּקַּח בְּיָדוֹ שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים׃ וַיֵּרֶד יְהוָה ה
בֶּעָנָן וַיִּתְיַצֵּב עִמּוֹ שָׁם וַיִּקְרָא בְשֵׁם יְהוָה׃ וַיַּעֲבֹר יְהוָה ׀ ו
עַל־פָּנָיו וַיִּקְרָא יְהוָה ׀ יְהוָה אֵל רַחוּם וְחַנּוּן אֶרֶךְ אַפַּיִם
וְרַב־חֶסֶד וֶאֱמֶת׃ נֹצֵר חֶסֶד לָאֲלָפִים נֹשֵׂא עָוֺן וָפֶשַׁע ז
וְחַטָּאָה וְנַקֵּה לֹא יְנַקֶּה פֹּקֵד ׀ עֲוֺן אָבוֹת עַל־בָּנִים וְעַל־
בְּנֵי בָנִים עַל־שִׁלֵּשִׁים וְעַל־רִבֵּעִים׃ וַיְמַהֵר מֹשֶׁה וַיִּקֹּד ח
אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר אִם־נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנָי ט
יֵלֶךְ־נָא אֲדֹנָי בְּקִרְבֵּנוּ כִּי עַם־קְשֵׁה־עֹרֶף הוּא וְסָלַחְתָּ
לַעֲוֺנֵנוּ וּלְחַטָּאתֵנוּ וּנְחַלְתָּנוּ׃ וַיֹּאמֶר הִנֵּה אָנֹכִי כֹּרֵת ששי
בְּרִית נֶגֶד כָּל־עַמְּךָ אֶעֱשֶׂה נִפְלָאֹת אֲשֶׁר לֹא־נִבְרְאוּ בְכָל־
הָאָרֶץ וּבְכָל־הַגּוֹיִם וְרָאָה כָל־הָעָם אֲשֶׁר־אַתָּה בְקִרְבּוֹ
אֶת־מַעֲשֵׂה יְהוָה כִּי־נוֹרָא הוּא אֲשֶׁר אֲנִי עֹשֶׂה עִמָּךְ׃
שְׁמָר־לְךָ אֵת אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם הִנְנִי גֹרֵשׁ מִפָּנֶיךָ יא
אֶת־הָאֱמֹרִי וְהַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהַפְּרִזִּי וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי׃
הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן־תִּכְרֹת בְּרִית לְיוֹשֵׁב הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה בָּא יב
עָלֶיהָ פֶּן־יִהְיֶה לְמוֹקֵשׁ בְּקִרְבֶּךָ׃ כִּי אֶת־מִזְבְּחֹתָם תִּתֹּצוּן יג
וְאֶת־מַצֵּבֹתָם תְּשַׁבֵּרוּן וְאֶת־אֲשֵׁרָיו תִּכְרֹתוּן׃ כִּי לֹא יד

ז׳ סן רבתי

און איך וועל אַרויפדעקן מיין האַנט אויף דיר, ביז איך וועל פאַרבייגיין. [23] און אַז איך וועל אָפּטאָן מיין האַנט, וועסטו זען מיין רוקן; אָבער מיין פּנים קען ניט געזען ווערן.

לד [1] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: האַק דיר אויס צוויי שטיינערנע לוחות אַזוי ווי די ערשטע, און איך וועל אויפשרייבן אויף די לוחות די ווערטער וואָס זיינען געווען אויף די ערשטע לוחות, וואָס דו האָסט צעבראָכן. [2] און זיי אָנגעברייט אין דער פרי, און גיי אַרויף אין דער פרי אויפן באַרג סיני, און שטעל זיך פאַר מיר דאָרטן אויפן שפּיץ באַרג. [3] און קיין מענטש זאָל ניט אַרויפגיין מיט דיר, און קיין מענטש זאָל אויך ניט געזען ווערן אויפן גאַנצן באַרג; אַפילו די שאָף און די רינדער זאָלן זיך ניט פּיטערן אַקעגן יענעם באַרג.

[4] האָט ער אויסגעהאַקט צוויי שטיינערנע לוחות אַזוי ווי די ערשטע; און משה האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, און איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג סיני, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן, און ער האָט גענומען אין זיין האַנט די צוויי שטיינערנע לוחות. [5] און יהוה האָט אַראָפּגענידערט אין דעם וואָלקן; און ער האָט זיך געשטעלט מיט אים דאָרטן; און ער האָט גערופן דעם נאָמען יהוה. [6] און יהוה איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיין פּנים, און האָט אויסגערופן: יהוה, יהוה איז אַ דערבאַרימדיקער און לייטזעליקער גאָט, איינגעהאַלטן אין צאָרן, און רייך אין גענאָד און טריישאַפט; [7] ער האַלט גענאָד ביזן טויזנטסטן גליד, ער פאַרטראָגט זינד און פאַרברעכן און חטאים, נאָר שענקען שענקט ער ניט; ער רעכנט זיך פאַר די זינד פון די פאָטערס, מיט די קינדער, און מיט די קינדסקינדער, מיטן דריטן און מיטן פירטן דור.

[8] האָט משה זיך גענייגט אויף גיך צו דער ערד, און זיך געבוקט. [9] און ער האָט געזאָגט: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, גאָט, זאָל, איך בעט דיך, גאָט גיין צווישן אונדז, וואָרום אַ האַרטנעקיק פאָלק איז דאָס; און זאָלסט פאַרגעבן אונדזער זינד און אונדזער חטא, און אונדז מאַכן פאַר דיין אַרב.

[10] האָט ער געזאָגט: זע, איך שליס אַ בונד; אַנטקעגן פאַר דיין גאַנצן פאָלק וועל איך טאָן וווּנדער וואָס זיינען ניט באַשאַפן געוואָרן אויף דער גאַנצער ערד, און צווישן אַלע אומות; און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס דו ביסט צווישן אים, וועט זען די טואונג פון גאָט וואָס איך טו מיט דיר, אַז זי איז פאָרכטיק. [11] היט דיר וואָס איך באַפעל דיר היינט; זע, איך פאַרטרייב פון פאַר דיר דעם אֱמוֹרי, און דעם כּנַעֲני, און דעם חִתּי, און דעם פּרִזי, און דעם חִוִי, און דעם יבוּסי. [12] היט זיך, זאָלסט ניט שליסן אַ בונד דעם באַוווינער פון דעם לאַנד וואָס דו קומסט דערויף, כּדי ער זאָל ניט זיין פאַר אַ שטרויכלונג צווישן דיר. [13] נייערט זייערע מזבחות זאָלט איר צעשטויסן, און זייערע זיילשטיינער זאָלט איר צעברעכן, און זייערע געצנביימער זאָלט איר אָפּהאַקן. [14] וואָרום

תִשְׁתַּחֲוֶה לְאֵל אַחֵר כִּי יְהוָה קַנָּא שְׁמוֹ אֵל קַנָּא הוּא׃
טו פֶּן־תִּכְרֹת בְּרִית לְיוֹשֵׁב הָאָרֶץ וְזָנוּ ׀ אַחֲרֵי אֱלֹהֵיהֶם
טז וְזָבְחוּ לֵאלֹהֵיהֶם וְקָרָא לְךָ וְאָכַלְתָּ מִזִּבְחוֹ׃ וְלָקַחְתָּ
מִבְּנֹתָיו לְבָנֶיךָ וְזָנוּ בְנֹתָיו אַחֲרֵי אֱלֹהֵיהֶן וְהִזְנוּ אֶת־
יז יח בָּנֶיךָ אַחֲרֵי אֱלֹהֵיהֶן׃ אֱלֹהֵי מַסֵּכָה לֹא תַעֲשֶׂה־לָּךְ׃ אֶת־
חַג הַמַּצּוֹת תִּשְׁמֹר שִׁבְעַת יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת אֲשֶׁר צִוִּיתִךָ
לְמוֹעֵד חֹדֶשׁ הָאָבִיב כִּי בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב יָצָאתָ מִמִּצְרָיִם׃
יט כָּל־פֶּטֶר רֶחֶם לִי וְכָל־מִקְנְךָ תִּזָּכָר פֶּטֶר שׁוֹר וָשֶׂה׃
כ וּפֶטֶר חֲמוֹר תִּפְדֶּה בְשֶׂה וְאִם־לֹא תִפְדֶּה וַעֲרַפְתּוֹ כֹּל
כא בְּכוֹר בָּנֶיךָ תִּפְדֶּה וְלֹא־יֵרָאוּ פָנַי רֵיקָם׃ שֵׁשֶׁת יָמִים
תַּעֲבֹד וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תִּשְׁבֹּת בֶּחָרִישׁ וּבַקָּצִיר תִּשְׁבֹּת׃
כב וְחַג שָׁבֻעֹת תַּעֲשֶׂה לְךָ בִּכּוּרֵי קְצִיר חִטִּים וְחַג הָאָסִיף
כג תְּקוּפַת הַשָּׁנָה׃ שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה כָּל־זְכוּרְךָ
כד אֶת־פְּנֵי הָאָדֹן ׀ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ כִּי־אוֹרִישׁ גּוֹיִם
מִפָּנֶיךָ וְהִרְחַבְתִּי אֶת־גְּבֻלֶךָ וְלֹא־יַחְמֹד אִישׁ אֶת־אַרְצְךָ
בַּעֲלֹתְךָ לֵרָאוֹת אֶת־פְּנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ שָׁלֹשׁ פְּעָמִים בַּשָּׁנָה׃
כה לֹא־תִשְׁחַט עַל־חָמֵץ דַּם־זִבְחִי וְלֹא־יָלִין לַבֹּקֶר זֶבַח חַג
כו הַפָּסַח׃ רֵאשִׁית בִּכּוּרֵי אַדְמָתְךָ תָּבִיא בֵּית יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
לֹא־תְבַשֵּׁל גְּדִי בַּחֲלֵב אִמּוֹ׃ פ
שב׳ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה כְּתָב־לְךָ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כִּי
עַל־פִּי ׀ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כָּרַתִּי אִתְּךָ בְּרִית וְאֶת־יִשְׂרָאֵל׃
כח וַיְהִי־שָׁם עִם־יְהוָה אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים לַיְלָה לֶחֶם
לֹא אָכַל וּמַיִם לֹא שָׁתָה וַיִּכְתֹּב עַל־הַלֻּחֹת אֵת דִּבְרֵי
כט הַבְּרִית עֲשֶׂרֶת הַדְּבָרִים׃ וַיְהִי בְּרֶדֶת מֹשֶׁה מֵהַר סִינַי
וּשְׁנֵי לֻחֹת הָעֵדֻת בְּיַד־מֹשֶׁה בְּרִדְתּוֹ מִן־הָהָר וּמֹשֶׁה לֹא־
ל יָדַע כִּי קָרַן עוֹר פָּנָיו בְּדַבְּרוֹ אִתּוֹ׃ וַיַּרְא אַהֲרֹן וְכָל־בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל אֶת־מֹשֶׁה וְהִנֵּה קָרַן עוֹר פָּנָיו וַיִּירְאוּ מִגֶּשֶׁת

יד׳ ר׳ רבתי יט׳ קמץ בז״ק

טאָרסט זיך ניט בוקן צו אַן אַנדער גאָט, ווייל יהוה—זיין נאָמען איז צערענער, אַ צערנדיקער גאָט איז ער. 15 טאָמער וועסטו שליסן אַ בונד די באַוווינער פון לאַנד, און זיי וועלן זיין פאַרפירט נאָך זייערע געטער, און שלאַכטן צו זייערע געטער, וועלן זיי דיך רופן, און וועסט עסן פון זייער שלאַכטאָפּפער; 16 און וועסט נעמען פון זייערע טעכטער פאַר דיינע זין, און זייערע טעכטער וועלן זיין פאַרפירט נאָך זייערע געטער, און וועלן פאַרפירן דיינע זין נאָך זייערע געטער. 17 קיין געגאָסענע געטער זאָלסטו דיר ניט מאַכן.

18 דעם יום־טוב פון מצות זאָלסטו היטן: זיבן טעג זאָלסטו עסן מצות, אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן, אין דער געשטעלטער צייט אין חודש אָביב, וואָרום אין חודש אָביב ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם.

19 איטלעכס וואָס עפנט דעם טראַכט געהערט צו מיר; און פון אַל דיין פי זאָלסטו הייליקן דעם זָכר, דעם ערשטלינג פון אָקס און שעפּס. 20 און דעם ערשטלינג פון אַן אייזל זאָלסטו אויסלייזן מיט אַ שעפּס; און אויב דו וועסט ניט אויסלייזן, זאָלסטו אים אָפּהאַקן דאָס געניק. יעטוועדער בכור פון דיינע זין זאָלסטו אויסלייזן.

און מע זאָל זיך ניט ווייזן פאַר מיר מיט ליידיקן.

21 זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און אויפן זיבעטן טאָג זאָלסטו רוען; [אַפילו] אין אַקערצייט און אין שניט־צייט זאָלסטו רוען.

22 און דעם יום־טוב פון שבועות זאָלסטו דיר מאַכן, ביי די ערשטצייטיקע פון ווייצשניט; און דעם יום־טוב פון אײַנזאַמלונג ביים אומדריי פון יאָר.

23 דריי מאָל אין יאָר זאָלן אַלע דיינע מאַנספאַרשוינען זיך ווייזן פאַר דעם האַר יהוה, דעם גאָט פון ישׂראל. 24 וואָרום איך וועל פאַריאָגן די פעלקער פון פאַר דיר, און וועל דערברייטערן דיין געמאַרק; און קיינער וועט ניט גלוסטן דיין לאַנד, ווען דו גייסט אַרויף זיך ווייזן פאַר יהוה דיין גאָט דריי מאָל אין יאָר.

25 זאָלסט ניט מקריב זיין מיט געזייערטן ברויט דאָס בלוט פון מיין שלאַכטאָפּפער, און דאָס שלאַכטאָפּפער פון דעם יום־טוב פון פסח זאָל ניט איבערנעכטיקן ביז אין דער פרי.

26 די ערשטע פריצייטיקע פון דיין ערד זאָלסטו ברענגען אין הויז פון יהוה דיין גאָט.

זאָלסט ניט קאָכן אַ ציקעלע אין זיין מוטערס מילך.

27 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: שרייב דיר אויף די דאָזיקע ווערטער, וואָרום לויט די דאָזיקע ווערטער האָב איך געשלאָסן אַ בונד מיט דיר און מיט ישׂראל. 28 און ער איז דאָרטן געווען מיט גאָט פערציק טעג און פערציק נעכט; קיין ברויט האָט ער ניט געגעסן, און קיין וואַסער האָט ער ניט געטרונקען. און ער האָט אויפגעשריבן אויף די לוחות די ווערטער פון דעם בונד, די צען געבאָט.

29 און עס איז געווען, אַז משה האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג סיני—און די צוויי לוחות פון געזעץ זיינען געווען אין משהס האַנט, ווען ער האָט אַראָפּגענידערט פון באַרג—האָט משה ניט געוווּסט, אַז די הויט פון זיין פּנים האָט געשטראַלט פון זיין רעדן מיט אים. 30 און אַהרן און אַלע קינדער פון ישׂראל האָבן געזען משהן, ערשט די הויט פון זיין פּנים שטראַלט, און זיי האָבן מורא געהאַט צו גענענען צו

אֵלָיו׃ וַיִּקְרָא אֲלֵהֶם מֹשֶׁה וַיָּשֻׁבוּ אֵלָיו אַהֲרֹן וְכָל־ לא
הַנְּשִׂאִים בָּעֵדָה וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֲלֵהֶם׃ וְאַחֲרֵי־כֵן נִגְּשׁוּ כָּל־ לב
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיְצַוֵּם אֵת כָּל־אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אִתּוֹ בְּהַר
סִינָי׃ וַיְכַל מֹשֶׁה מִדַּבֵּר אִתָּם וַיִּתֵּן עַל־פָּנָיו מַסְוֶה׃ וּבְבֹא מפ׳ לד
מֹשֶׁה לִפְנֵי יְהוָה לְדַבֵּר אִתּוֹ יָסִיר אֶת־הַמַּסְוֶה עַד־צֵאתוֹ
וְיָצָא וְדִבֶּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵת אֲשֶׁר יְצֻוֶּה׃ וְרָאוּ בְנֵי־ לה
יִשְׂרָאֵל אֶת־פְּנֵי מֹשֶׁה כִּי קָרַן עוֹר פְּנֵי מֹשֶׁה וְהֵשִׁיב מֹשֶׁה
אֶת־הַמַּסְוֶה עַל־פָּנָיו עַד־בֹּאוֹ לְדַבֵּר אִתּוֹ׃ ס

אים. 31 האָט זיי משה צוגערופן, און אַהרן, און אַלע פירשטן פון דער עדה האָבן זיך אומגעקערט צו אים, און משה האָט צו זיי גערעדט. 32 און דערנאָך האָבן גענענט אַלע קינדער פון ישראל, און ער האָט זיי באַפוילן אַלץ וואָס גאָט האָט מיט אים גערעדט אויפן באַרג סיני.

33 און ווי משה האָט געענדיקט רעדן מיט זיי, האָט ער אָנגעטאָן אויף זיין פנים אַ צודעק. 34 און אַז משה איז געקומען פאַר גאָט צו רעדן מיט אים, פלעגט ער אָפּטאָן דעם צודעק ביז זיין אַרויסגיין; און ער פלעגט אַרויסגיין און רעדן צו די קינדער פון ישראל דאָס וואָס ער איז באַפוילן געוואָרן. 35 און די קינדער פון ישראל פלעגן זען דעם פנים פון משהן, אַז די הויט פון משהס פנים שטראַלט; און משה פלעגט ווידער אָנטאָן דעם צודעק אויף זיין פנים, ביז ער איז אַריינגעגאַנגען צו רעדן מיט אים.

# ויקהל

לה

וַיַּקְהֵל מֹשֶׁה אֶת־כָּל־עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם א
אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לַעֲשֹׂת אֹתָם׃ שֵׁשֶׁת יָמִים ב
תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִהְיֶה לָכֶם קֹדֶשׁ שַׁבַּת
שַׁבָּתוֹן לַיהוָה כָּל־הָעֹשֶׂה בוֹ מְלָאכָה יוּמָת׃ לֹא־תְבַעֲרוּ ג
אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַּׁבָּת׃ פ
וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר ד
אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לֵאמֹר׃ קְחוּ מֵאִתְּכֶם תְּרוּמָה לַיהוָה כֹּל ה
נְדִיב לִבּוֹ יְבִיאֶהָ אֵת תְּרוּמַת יְהוָה זָהָב וָכֶסֶף וּנְחֹשֶׁת׃
וּתְכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ וְעִזִּים׃ וְעֹרֹת אֵילִם ו ז
מְאָדָּמִים וְעֹרֹת תְּחָשִׁים וַעֲצֵי שִׁטִּים׃ וְשֶׁמֶן לַמָּאוֹר ח
וּבְשָׂמִים לְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְלִקְטֹרֶת הַסַּמִּים׃ וְאַבְנֵי־שֹׁהַם ט
וְאַבְנֵי מִלֻּאִים לָאֵפוֹד וְלַחֹשֶׁן׃ וְכָל־חֲכַם־לֵב בָּכֶם יָבֹאוּ י
וְיַעֲשׂוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה׃ אֶת־הַמִּשְׁכָּן אֶת־אָהֳלוֹ יא
וְאֶת־מִכְסֵהוּ אֶת־קְרָסָיו וְאֶת־קְרָשָׁיו אֶת־בְּרִיחָו אֶת־עַמֻּדָיו
וְאֶת־אֲדָנָיו׃ אֶת־הָאָרֹן וְאֶת־בַּדָּיו אֶת־הַכַּפֹּרֶת וְאֵת פָּרֹכֶת יב
הַמָּסָךְ׃ אֶת־הַשֻּׁלְחָן וְאֶת־בַּדָּיו וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֵת לֶחֶם יג
הַפָּנִים׃ וְאֶת־מְנֹרַת הַמָּאוֹר וְאֶת־כֵּלֶיהָ וְאֶת־נֵרֹתֶיהָ וְאֵת יד

לה, יא׳ בריחו ק

לה 1 און משה האָט אײַנגעזאַמלט די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישראל, און האָט צו זיי געזאָגט: דאָס זיינען די ווערטער וואָס גאָט האָט באַפוילן זיי צו טאָן: 2 זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַרבעט, אָבער אויפן זיבעטן טאָג זאָל אײַך זיין הייליק, אַ שבת פון רואונג צו גאָט; איטלעכער וואָס טוט אין אים אַן אַרבעט, זאָל גע־טייט ווערן. 3 איר זאָלט ניט אָנצינדן קיין פייער אין אַלע אײַערע וווינערטער אין טאָג פון שבת.

4 און משה האָט געזאָגט צו דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז די זאַך וואָס גאָט האָט באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: 5 נעמט אײַך אַן אָפּשיידונג צו גאָט, איטלעכער וואָס זיין האַרץ איז וויליק זאָל זי ברענגען, די אָפּשיידונג פון גאָט, גאָלד, און זילבער, און קופער; 6 און בלאָע וואָל, און פורפל, און ווערמיל־רויט, און ליינען און ציגנהאָר; 7 און רויטגעפאַרבטע ווידערפעלן, און תַּחַש־פעלן, און שִׁטים־האָלץ; 8 און אייל פאַר דער לייכטונג, און בשׂמים פאַר דעם אייל פון זאַלבונג, און פאַר דעם ווײַרויך פון שמעקעדיקע געווירצן; 9 און אָניקלשטיינער, און שטיינער צום אײַנפאַסן, פאַרן אֵפוד און פאַרן חוֹשֶן. 10 און אַלע קלוגהאַרציקע צווישן אײַך זאָלן קומען און מאַכן אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן: 11 דעם מִשכּן, זיין געצעלט, און זיין צודעק, זיינע האָקן, און זיינע ברעטער, זיינע ריגלען, זיינע זיילן, און זיינע שוועלן; 12 דעם אָרון און זיינע שטאַנגען, דעם דעק און דעם פָּרוֹכֶת פון צווישנשייד; 13 דעם טיש און זיינע שטאַנגען, און אַלע זיינע כּלים, און דאָס ברויט פון אָנגעזיכט; 14 און די מנורה פאַר לייכטונג, און אירע כּלים, און אירע רערלעך, און דאָס

איל פאַר לײַכטונג; 15 און דעם מזבח פאַר װײַרויך און זײַנע שטאַנגען, און דאָס איל פון זאַלבונג, און דעם װײַרויך פון שמעקעדיקע געװירצן; און דעם טירפאָרהאַנג צום אַײַנגאַנג פון מִשכּן; 16 דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער און די קופּערנע זיפּ װאָס צו אים, זײַנע שטאַנגען, און אַלע זײַנע כּלים; דעם האַנטפאַס און זײַן געשטעל; 17 די אַרומהאַנגען פון הויף, זײַנע זײַלן, און זײַנע שװעלן, און דעם טויערפאָרהאַנג פון הויף; 18 די פלעקלעך פון מִשכּן, און די פלעקלעך פון הויף, און זײערע שטריק; 19 די געשטריקטע קלײדער אויף צו דינען אין הײליקטום, די הײליקע קלײדער פאַר אַהרן דעם כּהן, און די קלײדער פון זײַנע זין, אויף צו טאָן די כּהונה.

20 און די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישׂראל איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר משהן. 21 און זײ זײַנען געקומען, איטלעכער אײנער װאָס זײַן האַרץ האָט אים געטריבן, און איטלעכער װאָס זײַן גײַסט האָט אים באַװיליקט; זײ האָבן געבראַכט די אָפּשײדונג פון גאָט, פאַר דער אַרבעט פון אוהל־מועד, און פאַר זײַן גאַנצן דינסט, און פאַר די הײליקע קלײדער. 22 און עס זײַנען געקומען מענער מיט װײַבער, איטלעכער װאָס זײַן האַרץ איז געװען װיליק; זײ האָבן געבראַכט נאָזרינגען, און אוירינגען, און פינגערלעך, און האַלדזבענדער—אַלערלײ גילדערנע זאַכן; איטלעכער אײנער װאָס האָט אויפגעהויבן אַן אויפהײבונג פון גאָלד צו גאָט. 23 און איטלעכער אײנער װאָס בײַ אים האָט זיך געפונען בלאָע װאָל, און פורפל, און װערמילרויט, און לײַנען, און ציגנהאָר, און רויטגעפאַרבטע װידערפעלן, און תּחש־פעלן, האָט געבראַכט. 24 איטלעכער װאָס האָט אָפּגעשײדט אַן אָפּשײדונג פון זילבער און קופּער, האָט געבראַכט די אָפּשײדונג פון גאָט; און איטלעכער װאָס בײַ אים האָט זיך געפונען שיטים־האָלץ פאַר אַלערלײ מלאָכות פון דער אַרבעט, האָט געבראַכט. 25 און אַלע קלוגהאַרציקע װײַבער האָבן מיט זײערע הענט געשפּונען, און האָבן געבראַכט דאָס געשפּינס, די בלאָע װאָל, און דעם פורפל, דאָס װערמילרויט, און דעם לײַנען. 26 און אַלע װײַבער װאָס זײער האַרץ האָט זײ געטריבן מיט חכמה, האָבן געשפּונען די ציגנהאָר. 27 און די פירשטן האָבן געבראַכט די אָניקלשטײנער, און די שטײנער צום אײַנפאַסן, פאַרן אֵפוד און פאַרן חושן; 28 און די בשׂמים, און דאָס איל, פאַר לײַכטונג, און פאַר דעם איל פון זאַלבונג, און פאַר דעם װײַרויך פון שמעקעדיקע געװירצן. 29 די קינדער פון ישׂראל האָבן געבראַכט נדבות צו גאָט—איטלעכער מאַן און פרוי װאָס זײער האַרץ האָט זײ באַװיליקט צו ברענגען פאַר דער גאַנצער אַרבעט, װאָס גאָט האָט באַפוילן דורך משהן צו מאַכן.

30 און משה האָט געזאָגט צו די קינדער פון ישׂראל: זעט, גאָט האָט גערופן מיטן נאָמען בצַלאֵל דעם זון פון אורי דעם זון פון חורן, פון שבט יהודה. 31 און ער האָט אים אָנגעפילט מיטן גײַסט פון גאָט, אין חכמה, אין פאַרשטאַנדיקײט, און אין

טו שֶׁמֶן הַמָּאוֹר: וְאֶת־מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת וְאֶת־בַּדָּיו וְאֵת שֶׁמֶן
הַמִּשְׁחָה וְאֵת קְטֹרֶת הַסַּמִּים וְאֶת־מָסַךְ הַפֶּתַח לְפֶתַח
טז הַמִּשְׁכָּן: אֵת ׀ מִזְבַּח הָעֹלָה וְאֶת־מִכְבַּר הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר־
יז לוֹ אֶת־בַּדָּיו וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו אֶת־הַכִּיֹּר וְאֶת־כַּנּוֹ: אֵת קַלְעֵי
הֶחָצֵר אֶת־עַמֻּדָיו וְאֶת־אֲדָנֶיהָ וְאֵת מָסַךְ שַׁעַר הֶחָצֵר:
יח אֶת־יִתְדֹת הַמִּשְׁכָּן וְאֶת־יִתְדֹת הֶחָצֵר וְאֶת־מֵיתְרֵיהֶם:
יט אֶת־בִּגְדֵי הַשְּׂרָד לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ אֶת־בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ לְאַהֲרֹן
כ הַכֹּהֵן וְאֶת־בִּגְדֵי בָנָיו לְכַהֵן: וַיֵּצְאוּ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
שני מִלִּפְנֵי מֹשֶׁה: וַיָּבֹאוּ כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר־נְשָׂאוֹ לִבּוֹ וְכֹל אֲשֶׁר
נָדְבָה רוּחוֹ אֹתוֹ הֵבִיאוּ אֶת־תְּרוּמַת יְהוָה לִמְלֶאכֶת אֹהֶל
כב מוֹעֵד וּלְכָל־עֲבֹדָתוֹ וּלְבִגְדֵי הַקֹּדֶשׁ: וַיָּבֹאוּ הָאֲנָשִׁים
עַל־הַנָּשִׁים כֹּל ׀ נְדִיב לֵב הֵבִיאוּ חָח וָנֶזֶם וְטַבַּעַת וְכוּמָז
כָּל־כְּלִי זָהָב וְכָל־אִישׁ אֲשֶׁר הֵנִיף תְּנוּפַת זָהָב לַיהוָה:
כג וְכָל־אִישׁ אֲשֶׁר־נִמְצָא אִתּוֹ תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי
וְשֵׁשׁ וְעִזִּים וְעֹרֹת אֵילִם מְאָדָּמִים וְעֹרֹת תְּחָשִׁים הֵבִיאוּ:
כד כָּל־מֵרִים תְּרוּמַת כֶּסֶף וּנְחֹשֶׁת הֵבִיאוּ אֵת תְּרוּמַת יְהוָה
וְכֹל אֲשֶׁר נִמְצָא אִתּוֹ עֲצֵי שִׁטִּים לְכָל־מְלֶאכֶת הָעֲבֹדָה
כה הֵבִיאוּ: וְכָל־אִשָּׁה חַכְמַת־לֵב בְּיָדֶיהָ טָווּ וַיָּבִיאוּ מַטְוֶה
אֶת־הַתְּכֵלֶת וְאֶת־הָאַרְגָּמָן אֶת־תּוֹלַעַת הַשָּׁנִי וְאֶת־הַשֵּׁשׁ:
כו וְכָל־הַנָּשִׁים אֲשֶׁר נָשָׂא לִבָּן אֹתָנָה בְּחָכְמָה טָווּ אֶת־
כז הָעִזִּים: וְהַנְּשִׂאִם הֵבִיאוּ אֵת אַבְנֵי הַשֹּׁהַם וְאֵת אַבְנֵי
כח הַמִּלֻּאִים לָאֵפוֹד וְלַחֹשֶׁן: וְאֶת־הַבֹּשֶׂם וְאֶת־הַשָּׁמֶן לְמָאוֹר
כט וּלְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְלִקְטֹרֶת הַסַּמִּים: כָּל־אִישׁ וְאִשָּׁה אֲשֶׁר
נָדַב לִבָּם אֹתָם לְהָבִיא לְכָל־הַמְּלָאכָה אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה
לַעֲשׂוֹת בְּיַד־מֹשֶׁה הֵבִיאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל נְדָבָה לַיהוָה: פ
שלי (שני) וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רְאוּ קָרָא יְהוָה בְּשֵׁם
לא בְּצַלְאֵל בֶּן־אוּרִי בֶן־חוּר לְמַטֵּה יְהוּדָה: וַיְמַלֵּא אֹתוֹ
רוּחַ אֱלֹהִים בְּחָכְמָה בִּתְבוּנָה וּבְדַעַת וּבְכָל־מְלָאכָה:

לב לג וּלְחֹשֹׁב מַחֲשָׁבֹת לַעֲשֹׂת בַּזָּהָב וּבַכֶּסֶף וּבַנְּחֹשֶׁת׃ וּבַחֲרֹשֶׁת
אֶבֶן לְמַלֹּאת וּבַחֲרֹשֶׁת עֵץ לַעֲשׂוֹת בְּכָל־מְלֶאכֶת מַחֲשָׁבֶת׃
לד וּלְהוֹרֹת נָתַן בְּלִבּוֹ הוּא וְאָהֳלִיאָב בֶּן־אֲחִיסָמָךְ לְמַטֵּה־דָן׃
לה מִלֵּא אֹתָם חָכְמַת־לֵב לַעֲשׂוֹת כָּל־מְלֶאכֶת חָרָשׁ ׀ וְחֹשֵׁב
וְרֹקֵם בַּתְּכֵלֶת וּבָאַרְגָּמָן בְּתוֹלַעַת הַשָּׁנִי וּבַשֵּׁשׁ וְאֹרֵג
עֹשֵׂי כָּל־מְלָאכָה וְחֹשְׁבֵי מַחֲשָׁבֹת׃

לו

א וְעָשָׂה בְצַלְאֵל וְאָהֳלִיאָב וְכֹל ׀ אִישׁ חֲכַם־לֵב אֲשֶׁר נָתַן
יְהוָה חָכְמָה וּתְבוּנָה בָּהֵמָּה לָדַעַת לַעֲשֹׂת אֶת־כָּל־
ב מְלֶאכֶת עֲבֹדַת הַקֹּדֶשׁ לְכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה׃ וַיִּקְרָא מֹשֶׁה
אֶל־בְּצַלְאֵל וְאֶל־אָהֳלִיאָב וְאֶל כָּל־אִישׁ חֲכַם־לֵב אֲשֶׁר
נָתַן יְהוָה חָכְמָה בְּלִבּוֹ כֹּל אֲשֶׁר נְשָׂאוֹ לִבּוֹ לְקָרְבָה אֶל־
ג הַמְּלָאכָה לַעֲשֹׂת אֹתָהּ׃ וַיִּקְחוּ מִלִּפְנֵי מֹשֶׁה אֵת כָּל־
הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר הֵבִיאוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לִמְלֶאכֶת עֲבֹדַת הַקֹּדֶשׁ
לַעֲשֹׂת אֹתָהּ וְהֵם הֵבִיאוּ אֵלָיו עוֹד נְדָבָה בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר׃
ד וַיָּבֹאוּ כָּל־הַחֲכָמִים הָעֹשִׂים אֵת כָּל־מְלֶאכֶת הַקֹּדֶשׁ אִישׁ־
ה אִישׁ מִמְּלַאכְתּוֹ אֲשֶׁר־הֵמָּה עֹשִׂים׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־מֹשֶׁה
לֵּאמֹר מַרְבִּים הָעָם לְהָבִיא מִדֵּי הָעֲבֹדָה לַמְּלָאכָה אֲשֶׁר־
ו צִוָּה יְהוָה לַעֲשֹׂת אֹתָהּ׃ וַיְצַו מֹשֶׁה וַיַּעֲבִירוּ קוֹל בַּמַּחֲנֶה
לֵאמֹר אִישׁ וְאִשָּׁה אַל־יַעֲשׂוּ־עוֹד מְלָאכָה לִתְרוּמַת הַקֹּדֶשׁ
ז וַיִּכָּלֵא הָעָם מֵהָבִיא׃ וְהַמְּלָאכָה הָיְתָה דַיָּם לְכָל־הַמְּלָאכָה
רב׳ לַעֲשׂוֹת אֹתָהּ וְהוֹתֵר׃ ס וַיַּעֲשׂוּ כָל־חֲכַם־לֵב בְּעֹשֵׂי
הַמְּלָאכָה אֶת־הַמִּשְׁכָּן עֶשֶׂר יְרִיעֹת שֵׁשׁ מָשְׁזָר וּתְכֵלֶת
וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי כְּרֻבִים מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב עָשָׂה אֹתָם׃
ט אֹרֶךְ הַיְרִיעָה הָאַחַת שְׁמֹנֶה וְעֶשְׂרִים בָּאַמָּה וְרֹחַב אַרְבַּע
י בָּאַמָּה הַיְרִיעָה הָאֶחָת מִדָּה אַחַת לְכָל־הַיְרִיעֹת׃ וַיְחַבֵּר
אֶת־חֲמֵשׁ הַיְרִיעֹת אַחַת אֶל־אֶחָת וְחָמֵשׁ יְרִיעֹת חִבַּר אַחַת

קענשאַפט, און אין יעטוועדער מלאָכה; [32] און אויסצוקינצלען קונציקע זאַכן, צו אַרבעטן אין גאָלד, און אין זילבער, און אין קופּער; [33] און אין שניידונג פון שטיינער צום איינפאַסן, און אין שניצונג פון האָלץ, צו אַרבעטן אין יעטוועדער קונציקער מלאָכה. [34] אויך צו לערנען אַנדערע האָט ער אַריינגעגעבן אין זיין האַרצן, אים, און אָהליאָב דעם זון פון אַחיסָמָכן, פון שבט דָן. [35] ער האָט זיי אָנגעפילט מיט קלוגהאַרציקייט צו מאַכן יעטוועדער מלאָכה פונעם מיינסטער, און פונעם קינצלער, און פונעם שטיקער אין בלאָער וואָל און אין פּורפּל, אין ווערמילרויט און אין ליינען, און פונעם וועבער—פון די וואָס מאַכן אַלערליי מלאָכות, און קינצלען אויס קונציקע זאַכן.

לו [1] און בצַלאֵל און אָהליאָב, און אַלע קלוגהאַרציקע לייט, וואָס גאָט האָט אַריינגעגעבן חכמה און פאַרשטאַנדיקייט אין זיי, צו וויסן ווי צו טאָן יעטוועדער מלאָכה פון דער אַרבעט פון הייליקטום, זאָלן מאַכן אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן.

[2] און משה האָט גערופן בצַלאֵלן, און אָהליאָבן, און איטלעכן קלוגהאַרציקן מאַן, וואָס גאָט האָט אַריינגעגעבן חכמה אין זיין האַרצן, איטלעכן וואָס זיין האַרץ האָט אים געטריבן צו גענענען צו דער אַרבעט, זי צו טאָן. [3] און זיי האָבן גענומען פון משהן די גאַנצע אָפּשיידונג וואָס די קינדער פון ישׂראל האָבן געבראַכט פאַר דער מלאָכה פון דער אַרבעט פון הייליקטום, כּדי זי צו מאַכן. און די האָבן נאָך אַלץ געהאַלטן אין ברענגען צו אים נדבות, פריימאָרגן אין פרימאָרגן.

[4] זיינען געקומען אַלע קלוגע לייט וואָס האָבן געמאַכט די גאַנצע אַרבעט פון הייליקטום, איטלעכער מאַן פון זיין אַרבעט וואָס ער האָט געטאָן, [5] און זיי האָבן געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: דאָס פאָלק ברענגט מער ווי עס איז נייטיק צו דער אַרבעט, פאַר דער מלאָכה וואָס גאָט האָט באַפוילן זי צו מאַכן.

[6] האָט משה באַפוילן, און מע האָט אַרויסגעלאָזט אַן אויסרוף אין לאַגער, אַזוי צו זאָגן: קיין מאַן און קיין פרוי זאָל מער ניט מאַכן אַרבעט פאַר דער הייליקער אָפּשיידונג. און דאָס פאָלק איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן פון ברענגען. [7] און דאָס אויסגעאַרבעטע איז זיי געווען גענוג פאַר דער גאַנצער אַרבעט, זי צו מאַכן, און נאָך איבערצולאָזן.

[8] און אַלע קלוגהאַרציקע צווישן די וואָס האָבן געטאָן די אַרבעט, האָבן געמאַכט דעם מִשכּן אין צען פאָרהאַנגען; פון געדרייטן ליינען, און בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט; מיט כּרובים, קונציק אויסגעאַרבעט האָט מען זיי געמאַכט. [9] די לענג פון איטלעכן פאָרהאַנג אַכט און צוואַנציק איילן, און די ברייט פון איטלעכן פאָרהאַנג פיר איילן; איין מאָס פאַר אַלע פאָרהאַנגען. [10] און מע האָט באַהעפט פינף פאָרהאַנגען איינעם צום אַנדערן, אויך די אַנדערע פינף פאָרהאַנגען האָט מען באַהעפט איינעם צום

יא אֶל־אֶחָת: וַיַּעַשׂ לֻלְאֹת תְּכֵלֶת עַל שְׂפַת הַיְרִיעָה הָאֶחָת
מִקָּצָה בַּמַּחְבָּרֶת כֵּן עָשָׂה בִּשְׂפַת הַיְרִיעָה הַקִּיצוֹנָה
יב בַּמַּחְבֶּרֶת הַשֵּׁנִית: חֲמִשִּׁים לֻלָאֹת עָשָׂה בַּיְרִיעָה הָאֶחָת
וַחֲמִשִּׁים לֻלָאֹת עָשָׂה בִּקְצֵה הַיְרִיעָה אֲשֶׁר בַּמַּחְבֶּרֶת
יג הַשֵּׁנִית מַקְבִּילֹת הַלֻּלָאֹת אַחַת אֶל־אֶחָת: וַיַּעַשׂ חֲמִשִּׁים
קַרְסֵי זָהָב וַיְחַבֵּר אֶת־הַיְרִעֹת אַחַת אֶל־אַחַת בַּקְּרָסִים
וַיְהִי הַמִּשְׁכָּן אֶחָד: פ
יד וַיַּעַשׂ יְרִיעֹת עִזִּים לְאֹהֶל עַל־הַמִּשְׁכָּן עַשְׁתֵּי־עֶשְׂרֵה יְרִיעֹת
טו עָשָׂה אֹתָם: אֹרֶךְ הַיְרִיעָה הָאַחַת שְׁלֹשִׁים בָּאַמָּה וְאַרְבַּע
אַמּוֹת רֹחַב הַיְרִיעָה הָאֶחָת מִדָּה אַחַת לְעַשְׁתֵּי עֶשְׂרֵה
טז יְרִיעֹת: וַיְחַבֵּר אֶת־חֲמֵשׁ הַיְרִיעֹת לְבָד וְאֶת־שֵׁשׁ הַיְרִיעֹת
יז לְבָד: וַיַּעַשׂ לֻלָאֹת חֲמִשִּׁים עַל שְׂפַת הַיְרִיעָה הַקִּיצֹנָה
בַּמַּחְבָּרֶת וַחֲמִשִּׁים לֻלָאֹת עָשָׂה עַל־שְׂפַת הַיְרִיעָה הַחֹבֶרֶת
יח הַשֵּׁנִית: וַיַּעַשׂ קַרְסֵי נְחֹשֶׁת חֲמִשִּׁים לְחַבֵּר אֶת־הָאֹהֶל
יט לִהְיֹת אֶחָד: וַיַּעַשׂ מִכְסֶה לָאֹהֶל עֹרֹת אֵילִם מְאָדָּמִים
חמ׳ וּמִכְסֵה עֹרֹת תְּחָשִׁים מִלְמָעְלָה: ס וַיַּעַשׂ אֶת־הַקְּרָשִׁים
כא לַמִּשְׁכָּן עֲצֵי שִׁטִּים עֹמְדִים: עֶשֶׂר אַמֹּת אֹרֶךְ הַקָּרֶשׁ
כב וְאַמָּה וַחֲצִי הָאַמָּה רֹחַב הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד: שְׁתֵּי יָדֹת לַקֶּרֶשׁ
הָאֶחָד מְשֻׁלָּבֹת אַחַת אֶל־אֶחָת כֵּן עָשָׂה לְכֹל קַרְשֵׁי
כג הַמִּשְׁכָּן: וַיַּעַשׂ אֶת־הַקְּרָשִׁים לַמִּשְׁכָּן עֶשְׂרִים קְרָשִׁים
כד לִפְאַת נֶגֶב תֵּימָנָה: וְאַרְבָּעִים אַדְנֵי־כֶסֶף עָשָׂה תַּחַת
עֶשְׂרִים הַקְּרָשִׁים שְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת־הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד לִשְׁתֵּי
יְדֹתָיו וּשְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת־הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד לִשְׁתֵּי יְדֹתָיו:
כה וּלְצֶלַע הַמִּשְׁכָּן הַשֵּׁנִית לִפְאַת צָפוֹן עָשָׂה עֶשְׂרִים קְרָשִׁים:
כו וְאַרְבָּעִים אַדְנֵיהֶם כָּסֶף שְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד
כז וּשְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד: וּלְיַרְכְּתֵי הַמִּשְׁכָּן יָמָּה
כח עָשָׂה שִׁשָּׁה קְרָשִׁים: וּשְׁנֵי קְרָשִׁים עָשָׂה לִמְקֻצְעֹת הַמִּשְׁכָּן
כט בַּיַּרְכָתָיִם: וְהָיוּ תוֹאֲמִם מִלְּמַטָּה וְיַחְדָּו יִהְיוּ תַמִּים אֶל־

אַנדערן. 11 און מע האָט געמאַכט שלייפן פון בלאָער וואָל אויף דעם זוים פון איין פאָרהאַנג אין עק פון איין באַהעפטונג; אַזוי האָט מען געמאַכט אויף דעם זוים פון דעם עקסטן פאָרהאַנג אין דער צווייטער באַהעפטונג. 12 פופציק שלייפן האָט מען געמאַכט אויף דעם איין פאָרהאַנג, און פופציק שלייפן האָט מען געמאַכט אויף דעם ברעג פון דעם פאָרהאַנג וואָס אין דער צווייטער באַהעפטונג; די שלייפן זיינען געווען איינער קעגן אַנדערן. 13 און מע האָט געמאַכט פופציק גילדערנע האָקן, און מע האָט באַהעפט די פאָרהאַנגען איינעם צום אַנדערן מיט די האָקן, און דער מִשכּן איז געווען איינס.

14 און מע האָט געמאַכט פאָרהאַנגען פון ציגנהאָר פאַר אַ געצעלט איבערן מִשכּן; עלף פאָרהאַנגען האָט מען זיי געמאַכט. 15 די לענג פון איטלעכן פאָרהאַנג דרייסיק איילן, און די ברייט פון איטלעכן פאָרהאַנג פיר איילן; איין מאָס פאַר די עלף פאָרהאַנגען. 16 און מע האָט באַהעפט פינף פאָרהאַנגען באַזונדער, און זעקס פאָרהאַנגען באַזונדער. 17 און מע האָט געמאַכט פופציק שלייפן אויף דעם זוים פון דעם עקסטן פאָרהאַנג אין איין באַהעפטונג, און פופציק שלייפן האָט מען געמאַכט אויף דעם זוים פון דעם פאָרהאַנג אין דער צווייטער באַהעפטונג. 18 און מע האָט געמאַכט פופציק קופּערנע האָקן צו באַהעפטן דאָס געצעלט, אַז עס זאָל זיין איינס. 19 און מע האָט געמאַכט אַ צודעק פאַר דעם געצעלט, פון רויטגעפאַרבטע ווידערפעלן, און אַ צודעק פון תַּחש־פעלן פון אויבן. 20 און מע האָט געמאַכט די ברעטער צום מִשכּן, פון שִטים־האָלץ, שטייעדיק. 21 צען איילן די לענג פון אַ ברעט, און אַן איל און אַ האַלב די ברייט פון איטלעכן ברעט. 22 צוויי צאַפּנס צו איטלעכן ברעט, איינער קעגן אַנדערן אַזוי ווי שטאַפּלען. אַזוי האָט מען געמאַכט צו אַלע ברעטער פון מִשכּן. 23 און מע האָט געמאַכט די ברעטער פאַרן מִשכּן: צוואַנציק ברעטער פאַר דער דָרום־זייט צו דָרום. 24 און פערציק זילבערנע שוועלן האָט מען געמאַכט אונטער די צוואַנציק ברעטער: צו צוויי שוועלן אונטער איין ברעט פאַר זיינע צוויי צאַפּנס, צו צוויי שוועלן אונטער איין ברעט פאַר זיינע צוויי צאַפּנס. 25 און פאַר דער צווייטער זייט פון מִשכּן, צו צָפון־זייט, האָט מען געמאַכט צוואַנציק ברעטער, 26 און זייערע פערציק זילבערנע שוועלן: צו צוויי שוועלן אונטער איין ברעט, צו צוויי שוועלן אונטער איין ברעט. 27 און פאַר דער הינטערשטער זייט פון מִשכּן, צו מערב, האָט מען געמאַכט זעקס ברעטער. 28 און צוויי ברעטער האָט מען געמאַכט פאַר די ווינקלען פון דעם מִשכּן, אויף דער הינטערשטער זייט. 29 און זיי זיינען געווען אַריינגעפּאַסט אונטן, און דעסגלייכן זיינען זיי געווען אַריינגעפּאַסט אויבן ביז

רָאשׁוֹ אֶל־הַטַּבַּעַת הָאֶחָת כֵּן עָשָׂה לִשְׁנֵיהֶם לִשְׁנֵי
ל הַמִּקְצֹעֹת׃ וְהָיוּ שְׁמֹנָה קְרָשִׁים וְאַדְנֵיהֶם כֶּסֶף שִׁשָּׁה עָשָׂר
לא אֲדָנִים שְׁנֵי אֲדָנִים תַּחַת הַקֶּרֶשׁ הָאֶחָד׃ וַיַּעַשׂ
בְרִיחֵי עֲצֵי שִׁטִּים חֲמִשָּׁה לְקַרְשֵׁי צֶלַע־הַמִּשְׁכָּן הָאֶחָת׃
לב וַחֲמִשָּׁה בְרִיחִם לְקַרְשֵׁי צֶלַע־הַמִּשְׁכָּן הַשֵּׁנִית וַחֲמִשָּׁה
לג בְרִיחִם לְקַרְשֵׁי הַמִּשְׁכָּן לַיַּרְכָתַיִם יָמָּה׃ וַיַּעַשׂ אֶת־הַבְּרִיחַ
לד הַתִּיכֹן לִבְרֹחַ בְּתוֹךְ הַקְּרָשִׁים מִן־הַקָּצֶה אֶל־הַקָּצֶה׃ וְאֶת־
הַקְּרָשִׁים צִפָּה זָהָב וְאֶת־טַבְּעֹתָם עָשָׂה זָהָב בָּתִּים לַבְּרִיחִם
לה וַיְצַף אֶת־הַבְּרִיחִם זָהָב׃ וַיַּעַשׂ אֶת־הַפָּרֹכֶת תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן
וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב עָשָׂה אֹתָהּ כְּרֻבִים׃
לו וַיַּעַשׂ לָהּ אַרְבָּעָה עַמּוּדֵי שִׁטִּים וַיְצַפֵּם זָהָב וָוֵיהֶם זָהָב
לז וַיִּצֹק לָהֶם אַרְבָּעָה אַדְנֵי־כָסֶף׃ וַיַּעַשׂ מָסָךְ לְפֶתַח הָאֹהֶל
תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר מַעֲשֵׂה רֹקֵם׃
לח וְאֶת־עַמּוּדָיו חֲמִשָּׁה וְאֶת־וָוֵיהֶם וְצִפָּה רָאשֵׁיהֶם וַחֲשֻׁקֵיהֶם
זָהָב וְאַדְנֵיהֶם חֲמִשָּׁה נְחֹשֶׁת׃ פ

## לז

א וַיַּעַשׂ בְּצַלְאֵל אֶת־הָאָרֹן עֲצֵי שִׁטִּים אַמָּתַיִם וָחֵצִי אָרְכּוֹ
ב וְאַמָּה וָחֵצִי רָחְבּוֹ וְאַמָּה וָחֵצִי קֹמָתוֹ׃ וַיְצַפֵּהוּ זָהָב טָהוֹר
ג מִבַּיִת וּמִחוּץ וַיַּעַשׂ לוֹ זֵר זָהָב סָבִיב׃ וַיִּצֹק לוֹ אַרְבַּע
טַבְּעֹת זָהָב עַל אַרְבַּע פַּעֲמֹתָיו וּשְׁתֵּי טַבָּעֹת עַל־צַלְעוֹ
ד הָאֶחָת וּשְׁתֵּי טַבָּעֹת עַל־צַלְעוֹ הַשֵּׁנִית׃ וַיַּעַשׂ בַּדֵּי עֲצֵי
ה שִׁטִּים וַיְצַף אֹתָם זָהָב׃ וַיָּבֵא אֶת־הַבַּדִּים בַּטַּבָּעֹת עַל
ו צַלְעֹת הָאָרֹן לָשֵׂאת אֶת־הָאָרֹן׃ וַיַּעַשׂ כַּפֹּרֶת זָהָב טָהוֹר
ז אַמָּתַיִם וָחֵצִי אָרְכָּהּ וְאַמָּה וָחֵצִי רָחְבָּהּ׃ וַיַּעַשׂ שְׁנֵי כְרֻבִים
ח זָהָב מִקְשָׁה עָשָׂה אֹתָם מִשְּׁנֵי קְצוֹת הַכַּפֹּרֶת׃ כְּרוּב אֶחָד
מִקָּצָה מִזֶּה וּכְרוּב־אֶחָד מִקָּצָה מִזֶּה מִן־הַכַּפֹּרֶת עָשָׂה
ט אֶת־הַכְּרֻבִים מִשְּׁנֵי קְצוֹוֹתָו׃ וַיִּהְיוּ הַכְּרֻבִים פֹּרְשֵׂי כְנָפַיִם

מ, ח׳ קצותו ק

צום ערשטן רינג; אַזוי האָט מען געמאַכט ביי זיי ביידן, פאַר די צוויי ווינקלען. 30 און עס זיינען געווען אַכט ברעטער מיט זייערע זילבערנע שוועלן–זעכצן שוועלן: צו צוויי שוועלן, צו צוויי שוועלן אונטער איין ברעט. 31 און מע האָט געמאַכט ריגלען פון שטים־האָלץ: פינף פאַר די ברעטער פון איין זייט מִשכּן, 32 און פינף ריגלען פאַר די ברעטער פון דער צווייטער זייט מִשכּן, און פינף ריגלען פאַר די ברעטער פון מִשכּן אויף דער הינטער־שטער זייט, צו מערב. 33 און מע האָט געמאַכט דעם מיטלסטן ריגל דורכצוריגלען אין מיטן פון די ברעטער פון עק צו עק. 34 און די ברעטער האָט מען איבערגע־צויגן מיט גאָלד, און מע האָט געמאַכט צו זיי רינגען פון גאָלד, אויערן פאַר די ריגלען; און מע האָט איבערגע־צויגן די ריגלען מיט גאָלד.

35 און מע האָט געמאַכט דעם פָּרוֹכֶת פון בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען; קונציק אויסגעאַרבעט האָט מען אים געמאַכט, מיט כרובים. 36 און מע האָט געמאַכט צו אים פיר זיילן פון שטים־האָלץ, און זיי איבערגעצויגן מיט גאָלד, מיט זייערע העקלעך פון גאָלד; און מע האָט אויסגעגאָסן צו זיי פיר זילבערנע שוועלן.

37 און מע האָט געמאַכט אַ פאָרהאַנג פאַר דעם אײַנגאַנג פון געצעלט, פון בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען, געשטיקטע אַרבעט; 38 און פינף זיילן צו אים, מיט זייערע העקלעך; און מע האָט איבערגעצויגן זייערע קעפּ און זייערע רייפבענדער מיט גאָלד. און זייערע פינף שוועלן זיינען געווען קופּער.

לז 1 און בצַלאֵל האָט געמאַכט דעם אָרון פון שטים־האָלץ, צוויי איילן און אַ האַלב זיין לענג, און אַן איל און אַ האַלב זיין ברייט, און אַן איל און אַ האַלב זיין הייך. 2 און ער האָט אים איבערגעצויגן מיט ריינעם גאָלד פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק, און געמאַכט צו אים אַ גילדערנעם קראַנץ רונד אַרום. 3 און ער האָט אויסגעגאָסן צו אים פיר גילדערנע רינגען פאַר זיינע פיר פיס; צוויי רינגען אויף זיין איין זייט, און צוויי רינגען אויף זיין צווייטער זייט. 4 און ער האָט געמאַכט שטאַנגען פון שטים־האָלץ, און זיי איבערגעצויגן מיט גאָלד. 5 און ער האָט אַריינגעצויגן די שטאַנגען אין די רִינגען אויף די זייטן פון אָרון, צו טראָגן דעם אָרון.

6 און ער האָט געמאַכט אַ דעק פון ריינעם גאָלד, צוויי איילן און אַ האַלב זיין לענג, און אַן איל און אַ האַלב זיין ברייט. 7 און ער האָט געמאַכט צוויי כרובים פון גאָלד; געהאַמערט האָט ער זיי געמאַכט, אויף ביידע עקן פון דעק: 8 איין כרוב ביים עק פון דער זייט, און איין כרוב ביים עק פון דער אַנדער זייט; פון דעק גופא האָט ער געמאַכט די כרובים אויף זיינע ביידע עקן. 9 און די כרובים האָבן אויסגעשפּרייט זייערע פליגלען

צו דער הייך, שירעמענדיק מיט זייערע פליגלען איבער
דעם דעק, מיט זייערע פנימער איינער קעגן אַנדערן;
צום דעק צו זיינען געווען די פנימער פון די כּרובים.

[10] און ער האָט געמאַכט דעם טיש פון שִׁטִים־האָלץ,
צוויי איילן זיין לענג, און אַן איל זיין ברייט, און אַן איל
און אַ האַלב זיין הייך. [11] און ער האָט אים איבערגע־
צויגן מיט ריינעם גאָלד, און געמאַכט צו אים אַ גילדערנעם
קראַנץ רונד אַרום. [12] און ער האָט געמאַכט צו אים אַ
לייסט פון אַ האַנטברייט רונד אַרום, און געמאַכט אַ
גילדערנעם קראַנץ צו זיין לייסט רונד אַרום. [13] און ער
האָט אויסגעגאָסן פאַר אים פיר גילדערנע רינגען, און
אַרויפגעטאָן די רינגען אויף די פיר ווינקלען וואָס אויף
זיינע פיר פיס. [14] לעבן דעם לייסט זיינען געווען די
רינגען, אויערן פאַר די שטאַנגען, צו טראָגן דעם טיש.
[15] און ער האָט געמאַכט די שטאַנגען פון שִׁטִים־האָלץ, און
זיי איבערגעצויגן מיט גאָלד, צו טראָגן דעם טיש. [16] און
ער האָט געמאַכט די כּלים וואָס אויפן טיש, זיינע שיסלען,
און זיינע שאָלן, און זיינע בעכערס, און די קאַנען וואָס
מיט זיי ווערט געגאָסן, פון ריינעם גאָלד.

[17] און ער האָט געמאַכט די מנורה פון ריינעם גאָלד:
געהאַמערט האָט ער געמאַכט די מנורה, איר פוסגעשטעל,
און איר שטאַם; אירע בעכערלעך–אירע קנעפּ און אירע בלומען–זיינען געווען פון איר גופא. [18] און זעקס רערן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון אירע זייטן, דריי רערן פון דער מנורה פון איר איין זייט, און דריי רערן פון דער מנורה פון איר צווייטער זייט; [19] דריי מאַנדלקוויטיקע בעכערלעך פון אַ קנאָפּ מיט אַ בלום אויף איין רער, און דריי מאַנדלקוויטיקע בעכערלעך פון אַ קנאָפּ מיט אַ בלום אויפן אַנדער רער; אַזוי פאַר די זעקס רערן וואָס זיינען אַרויס־געגאַנגען פון דער מנורה. [20] און אויף דער מנורה אַליין פיר מאַנדלקוויטיקע בעכערלעך–אירע קנעפּ און אירע בלומען; [21] און אַ קנאָפּ אונטער צוויי רערן פון איר, און אַ קנאָפּ אונטער צוויי רערן פון איר, און אַ קנאָפּ אונטער צוויי רערן פון איר, פאַר די זעקס רערן וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון איר. [22] אירע קנעפּ און אירע רערן זיינען געווען פון איר גופא, אין גאַנצן איין אויסהאַמערונג פון ריינעם גאָלד. [23] און ער האָט געמאַכט אירע זיבן רערלעך, און אירע צווענגלעך, און אירע אַשפענדלעך, פון ריינעם גאָלד. [24] פון אַ צענטנער ריינעם גאָלד האָט ער זי געמאַכט מיט אַלע אירע כּלים.

[25] און ער האָט געמאַכט דעם מזבח פאַר ווייַרויך, פון שִׁטִים־האָלץ, אַן איל זיין לענג, און אַן איל זיין ברייט, פירעקעכדיק, און צוויי איילן זיין הייך; פון אים גופא זיינען געווען זיינע הערנער. [26] און ער האָט אים איבערגעצויגן מיט ריינעם גאָלד, זיין אויבערדעק, און זיינע ווענט רונד אַרום, און זיינע הערנער; און ער האָט געמאַכט

לְמַעְלָה סֹכְכִים בְּכַנְפֵיהֶם עַל־הַכַּפֹּרֶת וּפְנֵיהֶם אִישׁ אֶל־
אָחִיו אֶל־הַכַּפֹּרֶת הָיוּ פְּנֵי הַכְּרֻבִים׃ פ
י וַיַּעַשׂ אֶת־הַשֻּׁלְחָן עֲצֵי שִׁטִּים אַמָּתַיִם אָרְכּוֹ וְאַמָּה רָחְבּוֹ
יא וְאַמָּה וָחֵצִי קֹמָתוֹ׃ וַיְצַף אֹתוֹ זָהָב טָהוֹר וַיַּעַשׂ לוֹ זֵר זָהָב
יב סָבִיב׃ וַיַּעַשׂ לוֹ מִסְגֶּרֶת טֹפַח סָבִיב וַיַּעַשׂ זֵר־זָהָב
יג לְמִסְגַּרְתּוֹ סָבִיב׃ וַיִּצֹק לוֹ אַרְבַּע טַבְּעֹת זָהָב וַיִּתֵּן אֶת־
יד הַטַּבָּעֹת עַל אַרְבַּע הַפֵּאֹת אֲשֶׁר לְאַרְבַּע רַגְלָיו׃ לְעֻמַּת
הַמִּסְגֶּרֶת הָיוּ הַטַּבָּעֹת בָּתִּים לַבַּדִּים לָשֵׂאת אֶת־הַשֻּׁלְחָן׃
טו וַיַּעַשׂ אֶת־הַבַּדִּים עֲצֵי שִׁטִּים וַיְצַף אֹתָם זָהָב לָשֵׂאת אֶת־
טז הַשֻּׁלְחָן׃ וַיַּעַשׂ אֶת־הַכֵּלִים ׀ אֲשֶׁר עַל־הַשֻּׁלְחָן אֶת־קְעָרֹתָיו
וְאֶת־כַּפֹּתָיו וְאֵת מְנַקִּיֹּתָיו וְאֶת־הַקְּשָׂוֺת אֲשֶׁר יֻסַּךְ בָּהֵן
זָהָב טָהוֹר׃ פ
ששי (שלי) וַיַּעַשׂ אֶת־הַמְּנֹרָה זָהָב טָהוֹר מִקְשָׁה עָשָׂה אֶת־הַמְּנֹרָה
יח יְרֵכָהּ וְקָנָהּ גְּבִיעֶיהָ כַּפְתֹּרֶיהָ וּפְרָחֶיהָ מִמֶּנָּה הָיוּ׃ וְשִׁשָּׁה
קָנִים יֹצְאִים מִצִּדֶּיהָ שְׁלֹשָׁה ׀ קְנֵי מְנֹרָה מִצִּדָּהּ הָאֶחָד
יט וּשְׁלֹשָׁה קְנֵי מְנֹרָה מִצִּדָּהּ הַשֵּׁנִי׃ שְׁלֹשָׁה גְבִעִים מְשֻׁקָּדִים
בַּקָּנֶה הָאֶחָד כַּפְתֹּר וָפֶרַח וּשְׁלֹשָׁה גְבִעִים מְשֻׁקָּדִים
בְּקָנֶה אֶחָד כַּפְתֹּר וָפָרַח כֵּן לְשֵׁשֶׁת הַקָּנִים הַיֹּצְאִים מִן־
כ הַמְּנֹרָה׃ וּבַמְּנֹרָה אַרְבָּעָה גְבִעִים מְשֻׁקָּדִים כַּפְתֹּרֶיהָ
כא וּפְרָחֶיהָ׃ וְכַפְתֹּר תַּחַת שְׁנֵי הַקָּנִים מִמֶּנָּה וְכַפְתֹּר תַּחַת
שְׁנֵי הַקָּנִים מִמֶּנָּה וְכַפְתֹּר תַּחַת־שְׁנֵי הַקָּנִים מִמֶּנָּה
כב לְשֵׁשֶׁת הַקָּנִים הַיֹּצְאִים מִמֶּנָּה׃ כַּפְתֹּרֵיהֶם וּקְנֹתָם מִמֶּנָּה
כג הָיוּ כֻּלָּהּ מִקְשָׁה אַחַת זָהָב טָהוֹר׃ וַיַּעַשׂ אֶת־נֵרֹתֶיהָ
כד שִׁבְעָה וּמַלְקָחֶיהָ וּמַחְתֹּתֶיהָ זָהָב טָהוֹר׃ כִּכָּר זָהָב טָהוֹר
עָשָׂה אֹתָהּ וְאֵת כָּל־כֵּלֶיהָ׃ פ
כה וַיַּעַשׂ אֶת־מִזְבַּח הַקְּטֹרֶת עֲצֵי שִׁטִּים אַמָּה אָרְכּוֹ וְאַמָּה
כו רָחְבּוֹ רָבוּעַ וְאַמָּתַיִם קֹמָתוֹ מִמֶּנּוּ הָיוּ קַרְנֹתָיו׃ וַיְצַף אֹתוֹ
זָהָב טָהוֹר אֶת־גַּגּוֹ וְאֶת־קִירֹתָיו סָבִיב וְאֶת־קַרְנֹתָיו וַיַּעַשׂ

לוֹ זֵר זָהָב סָבִיב׃ וּשְׁתֵּי טַבְּעֹת זָהָב עָשָׂה־לוֹ ׀ מִתַּחַת כז
לְזֵרוֹ עַל שְׁתֵּי צַלְעֹתָיו עַל שְׁנֵי צִדָּיו לְבָתִּים לְבַדִּים לָשֵׂאת
אֹתוֹ בָּהֶם׃ וַיַּעַשׂ אֶת־הַבַּדִּים עֲצֵי שִׁטִּים וַיְצַף אֹתָם כח
זָהָב׃ וַיַּעַשׂ אֶת־שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה קֹדֶשׁ וְאֶת־קְטֹרֶת הַסַּמִּים כט
טָהוֹר מַעֲשֵׂה רֹקֵחַ׃ ס

לח

וַיַּעַשׂ אֶת־מִזְבַּח הָעֹלָה עֲצֵי שִׁטִּים חָמֵשׁ אַמּוֹת אָרְכּוֹ שב' (רב')
וְחָמֵשׁ־אַמּוֹת רָחְבּוֹ רָבוּעַ וְשָׁלֹשׁ אַמּוֹת קֹמָתוֹ׃ וַיַּעַשׂ ב
קַרְנֹתָיו עַל אַרְבַּע פִּנֹּתָיו מִמֶּנּוּ הָיוּ קַרְנֹתָיו וַיְצַף אֹתוֹ
נְחֹשֶׁת׃ וַיַּעַשׂ אֶת־כָּל־כְּלֵי הַמִּזְבֵּחַ אֶת־הַסִּירֹת וְאֶת־הַיָּעִים ג
וְאֶת־הַמִּזְרָקֹת אֶת־הַמִּזְלָגֹת וְאֶת־הַמַּחְתֹּת כָּל־כֵּלָיו עָשָׂה
נְחֹשֶׁת׃ וַיַּעַשׂ לַמִּזְבֵּחַ מִכְבָּר מַעֲשֵׂה רֶשֶׁת נְחֹשֶׁת תַּחַת ד
כַּרְכֻּבּוֹ מִלְּמַטָּה עַד־חֶצְיוֹ׃ וַיִּצֹק אַרְבַּע טַבָּעֹת בְּאַרְבַּע ה
הַקְּצָוֹת לְמִכְבַּר הַנְּחֹשֶׁת בָּתִּים לַבַּדִּים׃ וַיַּעַשׂ אֶת־הַבַּדִּים ו
עֲצֵי שִׁטִּים וַיְצַף אֹתָם נְחֹשֶׁת׃ וַיָּבֵא אֶת־הַבַּדִּים בַּטַּבָּעֹת ז
עַל צַלְעֹת הַמִּזְבֵּחַ לָשֵׂאת אֹתוֹ בָּהֶם נְבוּב לֻחֹת עָשָׂה
אֹתוֹ׃ ס וַיַּעַשׂ אֵת הַכִּיּוֹר נְחֹשֶׁת וְאֵת כַּנּוֹ נְחֹשֶׁת ח
בְּמַרְאֹת הַצֹּבְאֹת אֲשֶׁר צָבְאוּ פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ ס
וַיַּעַשׂ אֶת־הֶחָצֵר לִפְאַת ׀ נֶגֶב תֵּימָנָה קַלְעֵי הֶחָצֵר שֵׁשׁ ט
מָשְׁזָר מֵאָה בָּאַמָּה׃ עַמּוּדֵיהֶם עֶשְׂרִים וְאַדְנֵיהֶם עֶשְׂרִים י
נְחֹשֶׁת וָוֵי הָעַמּוּדִים וַחֲשֻׁקֵיהֶם כָּסֶף׃ וְלִפְאַת צָפוֹן מֵאָה יא
בָּאַמָּה עַמּוּדֵיהֶם עֶשְׂרִים וְאַדְנֵיהֶם עֶשְׂרִים נְחֹשֶׁת וָוֵי
הָעַמּוּדִים וַחֲשֻׁקֵיהֶם כָּסֶף׃ וְלִפְאַת־יָם קְלָעִים חֲמִשִּׁים יב
בָּאַמָּה עַמּוּדֵיהֶם עֲשָׂרָה וְאַדְנֵיהֶם עֲשָׂרָה וָוֵי הָעַמֻּדִים
וַחֲשׁוּקֵיהֶם כָּסֶף׃ וְלִפְאַת קֵדְמָה מִזְרָחָה חֲמִשִּׁים אַמָּה׃ יג
קְלָעִים חֲמֵשׁ־עֶשְׂרֵה אַמָּה אֶל־הַכָּתֵף עַמּוּדֵיהֶם שְׁלֹשָׁה יד
וְאַדְנֵיהֶם שְׁלֹשָׁה׃ וְלַכָּתֵף הַשֵּׁנִית מִזֶּה וּמִזֶּה לְשַׁעַר טו
הֶחָצֵר קְלָעִים חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה אַמָּה עַמֻּדֵיהֶם שְׁלֹשָׁה

צו אים אַ גילדערנעם קראַנץ רונד אַרום. 27 און צוויי גילדערנע רינגען האָט ער געמאַכט צו אים אונטער זיין קראַנץ אויף זיינע צוויי פּלאַנקען—אויף זיינע צוויי זייטן, פאַר אויערן פאַר די שטאַנגען, אים צו טראָגן אויף זיי. 28 און ער האָט געמאַכט די שטאַנגען פון שטים־האָלץ, און זיי איבערגעצויגן מיט גאָלד.

29 און ער האָט געמאַכט דאָס הייליקע אייל פון זאַלבונג, און דעם ריינעם ווייַרויך פון שמעקעדיקע גע־ווירצן, אַזוי ווי דער בשמים־מישער מאַכט.

## לח

1 און ער האָט געמאַכט דעם מזבח פאַר בראַנד־אָפּפער, פון שטים־האָלץ, פינף איילן זיין לענג, און פינף איילן זיין ברייט, פירעקעכדיק, און דריי איילן זיין הייך. 2 און ער האָט געמאַכט זיינע הערנער אויף זיינע פיר ווינקלען; פון אים גופא זיינען געווען זיינע הער־נער; און ער האָט אים איבערגעצויגן מיט קופּער. 3 און ער האָט געמאַכט אַלע כלים פון מזבח, די טעפּ, און די שופלען, און די שפּרענגבעקנס, די גאָפּלען, און די פייער־פאַנען; אַלע זיינע כלים האָט ער געמאַכט פון קופּער. 4 און ער האָט געמאַכט צום מזבח אַ קופּערנע זיפּ פון נעצאַרבעט אונטער זיין געזימס, פון אונטן ביז זיין העלפט. 5 און ער האָט אויסגעגאָסן פיר רינגען פאַר די פיר עקן פון דער קופּערנער זיפּ, אויערן פאַר די שטאַנגען. 6 און ער האָט געמאַכט די שטאַנגען פון שטים־האָלץ, און זיי איבערגעצויגן מיט קופּער. 7 און ער האָט אַריינגעצויגן די שטאַנגען אין די רינגען אויף די זייטן פון מזבח, אים צו טראָגן אויף זיי; הויל אינעווייניק, פון ברעטער, האָט ער אים געמאַכט.

8 און ער האָט געמאַכט דעם האַנטפאַס פון קופּער, און זיין געשטעל פון קופּער, פון די שפּיגלען פון די ווייבער וואָס פלעגן זיך אַיינזאַמלען ביים איינגאַנג פון אוהל־מועד.

9 און ער האָט געמאַכט דעם הויף: פאַר דער דרום־זייט צו דָרום, אַרומהאַנגען פון הויף פון געדרייטן ליינען, הונדערט איילן; 10 די זיילן דערצו צוואַנציק, און זייערע שוועלן צוואַנציק, פון קופּער; די העקלעך פון די זיילן, און זייערע רייפבענדער, פון זילבער. 11 און פאַר דער צפון־זייט, הונדערט איילן; די זיילן דערצו צוואַנציק, און זייערע שוועלן צוואַנציק, פון קופּער; די העקלעך פון די זיילן, און זייערע רייפבענדער, פון זילבער. 12 און פאַר דער מערב־זייט, אַרומהאַנגען פון פופציק איילן; די זיילן דערצו צען, און זייערע שוועלן צען; די העקלעך פון די זיילן, און זייערע רייפבענדער, פון זילבער. 13 און פאַר דער מזרח־זייט צו זונאויפגאַנג, פופציק איילן. 14 אַרומהאַנגען פאַר איין זייט [פון טויער], פופצן איילן; די זיילן דערצו דריי, און זייערע שוועלן דריי. 15 און אַזוי אויף דער צווייטער זייט; אי אויף דער זייט אי אויף דער אַנדער זייט פון טויער פון הויף אַרומהאַנגען פופצן איילן; די זיילן דערצו דריי,

און זייערע שוועלן דריי. 16 אַלע אַרומהאַנגען פון הויף
רונד אַרום, פון געדרייטן ליינען. 17 און די שוועלן צו
די זיילן, פון קופּער: די העקלעך פון די זיילן, און זייערע
רייפּבענדער, פון זילבער; און דער איבערצוג פון
זייערע קעפּ, פון זילבער; און זיי זיינען געווען אַרומגע־
רייפט מיט זילבער, אַלע זיילן פון הויף. 18 און דער
טויערפאָרהאַנג פון הויף איז געווען געשטיקטע אַרבעט,
פון בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, און גע־
דרייטן ליינען; און צוואַנציק איילן די לענג, און די הייך—
פאַר ברייט—פינף איילן, גלייך מיט די אַרומהאַנגען פון הויף. 19 און די זיילן דערצו פיר, און זייערע שוועלן פיר,
פון קופּער; זייערע העקלעך, פון זילבער, דער איבערצוג פון זייערע קעפּ, און זייערע רייפּבענדער, פון זילבער;
20 און אַלע פלעקלעך פון מִשכּן און פון הויף רונד אַרום, פון קופּער.

טו ואדניהם שלשה: כל־קלעי החצר סביב שש משזר:
יז והאדנים לעמדים נחשת ווי העמודים וחשוקיהם כסף
וצפוי ראשיהם כסף והם מחשקים כסף כל עמדי
מפ׳ החצר: ומסך שער החצר מעשה רקם תכלת וארגמן
ותולעת שני ושש משזר ועשרים אמה ארך וקומה ברחב
יט חמש אמות לעמת קלעי החצר: ועמדיהם ארבעה
ואדניהם ארבעה נחשת וויהם כסף וצפוי ראשיהם
כ וחשקיהם כסף: וכל־היתדת למשכן ולחצר סביב נחשת:

ס ס ס

# פְּקוּדֵי

21 דאָס זיינען די איבערציילונגען פון מִשכּן, דעם
מִשכּן פון געזעץ, וואָס זיינען איבערגעציילט געוואָרן לויט
דעם מויל פון משהן דורך דער אַרבעט פון די לוִיִים
אונטער דער האַנט פון איתָמָר דעם זון פון אַהרן דעם
כּהן.—22 און בצַלאֵל דער זון פון אורי דעם זון פון חורן,
פון שבט יהודה, האָט געמאַכט אַלץ וואָס גאָט האָט באַ־
פוילן משהן. 23 און מיט אים איז געווען אָהליאָב דער
זון פון אַחיסָמָכן, פון שבט דָן, אַ מייַנסטער, און אַ קינצ־
לער, און אַ שטיקער אין בלאָער וואָל, און אין פורפּל,
און אין ווערמילרויט, און אין ליינען.—24 דאָס גאַנצע גאָלד
וואָס איז פאַרטאָן געוואָרן אויף דער אַרבעט ביי דער
גאַנצער אַרבעט פון הייליקטום, דאָס גאָלד פון דער
אויפהייבונג, איז געווען ניין און צוואַנציק צענטנער, און
זיבן הונדערט און דרייסיק שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל.
25 און דאָס זילבער פון דער ציילונג פון דער עדה איז
געווען הונדערט צענטנער, און טויזנט און זיבן הונדערט
און פינף און זיבעציק שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל. 26 אַ
בֶּקַע אויף אַ קאָפּ, אַ האַלבער שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל,
פאַר איטלעכן וואָס איז אַריינגעגאַנגען אין דער ציילונג,
פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, פאַר זעקס הונדערט טויזנט און דריי טויזנט און פינף הונדערט און פופציק.
27 און די הונדערט צענטנער זילבער זיינען געווען אויף אויסצוגיסן די שוועלן פון הייליקטום, און די שוועלן פון פָּרוֹכֶת;
הונדערט שוועלן פון הונדערט צענטנער, אַ צענטנער אויף אַ שוועל. 28 און פון די טויזנט און זיבן הונדערט
און פינף און זיבעציק האָט מען געמאַכט העקלעך צו די זיילן, און איבערגעצויגן זייערע קעפּ, און זיי
אַרומגערייפט. 29 און דאָס קופּער פון דער אויפהייבונג איז געווען זיבעציק צענטנער, און צוויי טויזנט און
פיר הונדערט שֶקל. 30 און מע האָט דערפון געמאַכט די שוועלן פון דעם אַיינגאַנג פון אוהל־מועד, און
דעם קופּערנעם מזבח, און די קופּערנע זיפּ וואָס צו אים, און אַלע כלים פון מזבח, 31 און די שוועלן פון הויף רונד אַרום,

כא אלה פקודי המשכן משכן העדת אשר פקד על־פי
כב משה עבדת הלוים ביד איתמר בן־אהרן הכהן: ובצלאל
בן־אורי בן־חור למטה יהודה עשה את כל־אשר־צוה
כג יהוה את־משה: ואתו אהליאב בן־אחיסמך למטה־דן
חרש וחשב ורקם בתכלת ובארגמן ובתולעת השני
כד ובשש: ס כל־הזהב העשוי למלאכה בכל מלאכת
הקדש ויהי | זהב התנופה תשע ועשרים ככר ושבע
כה מאות ושלשים שקל בשקל הקדש: וכסף פקודי העדה
מאת ככר ואלף ושבע מאות וחמשה ושבעים שקל
כו בשקל הקדש: בקע לגלגלת מחצית השקל בשקל
הקדש לכל העבר על־הפקדים מבן עשרים שנה ומעלה
לשש־מאות אלף ושלשת אלפים וחמש מאות וחמשים:
כז ויהי מאת ככר הכסף לצקת את אדני הקדש ואת אדני
כח הפרכת מאת אדנים למאת הככר ככר לאדן: ואת־
האלף ושבע המאות וחמשה ושבעים עשה ווים לעמודים
כט וצפה ראשיהם וחשק אתם: ונחשת התנופה שבעים
ל ככר ואלפים וארבע־מאות שקל: ויעש בה את־אדני
פתח אהל מועד ואת מזבח הנחשת ואת־מכבר הנחשת
לא אשר־לו ואת כל־כלי המזבח: ואת־אדני החצר סביב

וְאֶת־אַדְנֵי שַׁעַר הֶחָצֵר וְאֵת כָּל־יִתְדֹת הַמִּשְׁכָּן וְאֶת־כָּל־
יִתְדֹת הֶחָצֵר סָבִיב׃

לט

א וּמִן־הַתְּכֵלֶת וְהָאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת הַשָּׁנִי עָשׂוּ בִגְדֵי־שְׂרָד
לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ וַיַּעֲשׂוּ אֶת־בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ אֲשֶׁר לְאַהֲרֹן כַּאֲשֶׁר
צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ
ב (שני) (חמ״) וַיַּעַשׂ אֶת־הָאֵפֹד זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ
מָשְׁזָר׃ ג וַיְרַקְּעוּ אֶת־פַּחֵי הַזָּהָב וְקִצֵּץ פְּתִילִם לַעֲשׂוֹת
בְּתוֹךְ הַתְּכֵלֶת וּבְתוֹךְ הָאַרְגָּמָן וּבְתוֹךְ תּוֹלַעַת הַשָּׁנִי
וּבְתוֹךְ הַשֵּׁשׁ מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב׃ ד כְּתֵפֹת עָשׂוּ־לוֹ חֹבְרֹת עַל־שְׁנֵי
קְצוֹתָו חֻבָּר׃ ה וְחֵשֶׁב אֲפֻדָּתוֹ אֲשֶׁר עָלָיו מִמֶּנּוּ הוּא
כְּמַעֲשֵׂהוּ זָהָב תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ ס ו וַיַּעֲשׂוּ אֶת־אַבְנֵי הַשֹּׁהַם
מֻסַבֹּת מִשְׁבְּצֹת זָהָב מְפֻתָּחֹת פִּתּוּחֵי חוֹתָם עַל־שְׁמוֹת
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ ז וַיָּשֶׂם אֹתָם עַל כִּתְפֹת הָאֵפֹד אַבְנֵי זִכָּרוֹן
לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ
ח וַיַּעַשׂ אֶת־הַחֹשֶׁן מַעֲשֵׂה חֹשֵׁב כְּמַעֲשֵׂה אֵפֹד זָהָב תְּכֵלֶת
ט וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי וְשֵׁשׁ מָשְׁזָר׃ רָבוּעַ הָיָה כָּפוּל עָשׂוּ
י אֶת־הַחֹשֶׁן זֶרֶת אָרְכּוֹ וְזֶרֶת רָחְבּוֹ כָּפוּל׃ וַיְמַלְאוּ־בוֹ
אַרְבָּעָה טוּרֵי אָבֶן טוּר אֹדֶם פִּטְדָה וּבָרֶקֶת הַטּוּר הָאֶחָד׃
יא וְהַטּוּר הַשֵּׁנִי נֹפֶךְ סַפִּיר וְיָהֲלֹם׃ יב וְהַטּוּר הַשְּׁלִישִׁי לֶשֶׁם
יג שְׁבוֹ וְאַחְלָמָה׃ וְהַטּוּר הָרְבִיעִי תַּרְשִׁישׁ שֹׁהַם וְיָשְׁפֵה
יד מוּסַבֹּת מִשְׁבְּצוֹת זָהָב בְּמִלֻּאֹתָם׃ וְהָאֲבָנִים עַל־שְׁמֹת
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל הֵנָּה שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה עַל־שְׁמֹתָם פִּתּוּחֵי חֹתָם
טו אִישׁ עַל־שְׁמוֹ לִשְׁנֵים עָשָׂר שָׁבֶט׃ וַיַּעֲשׂוּ עַל־הַחֹשֶׁן
טז שַׁרְשְׁרֹת גַּבְלֻת מַעֲשֵׂה עֲבֹת זָהָב טָהוֹר׃ וַיַּעֲשׂוּ שְׁתֵּי
מִשְׁבְּצֹת זָהָב וּשְׁתֵּי טַבְּעֹת זָהָב וַיִּתְּנוּ אֶת־שְׁתֵּי הַטַּבָּעֹת

ד׳ קצותיו קי

און די שוועלן פון דעם טויער פון הויף, און אַלע פלעקלעך פון מִשכּן, און אַלע פלעקלעך פון הויף רונד אַרום.

לט 1 און פון דער בלאָער וואָל, און דעם פורפל, און דעם ווערמילרויט, האָט מען געמאַכט די געשטריקטע קליידער אויף צו דינען אין הייליקטום, און געמאַכט די הייליקע קליידער וואָס פאַר אַהרנען, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

2 און מע האָט געמאַכט דעם אֵפוד פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען. 3 און מע האָט אויסגעשלאָגן בלעכן פון גאָלד, און צעהאַקט אויף פעדים, אויף אַריינצואַרבעטן אין דער בלאָער וואָל, און אין דעם פורפל, און אין דעם ווערמילרויט, און אין דעם ליינען, מיט קונציקער אַרבעט. 4 אַקסלבענדער האָט מען צו אים געמאַכט, באַהעפטע; ביי זיינע ביידע עקן איז ער געווען באַהעפט. 5 און זיין גאַרטלבאַנד וואָס אויף אים, איז געווען פון אים גופא, אַזוי ווי זיין אַרבעט, פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן. 6 און מע האָט געמאַכט די אָניקל־שטיינער איינגעראָמט אין איינפאַסונגען פון גאָלד, אויסגעקריצט ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל, לויט די נעמען פון די קינדער פון ישראל. 7 און מע האָט זיי אַרויפגעטאָן אויף די אַקסלבענדער פון אֵפוד—שטיינער פון דערמאָנונג פאַר די קינדער פון ישראל, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

8 און מע האָט געמאַכט דעם חושן קונציק אויסגעאַרבעט, אַזוי ווי די אַרבעט פון אֵפוד, פון גאָלד, בלאָער וואָל, און פורפל, און ווערמילרויט, און געדרייטן ליינען. 9 פירעקעכדיק איז ער געווען; געטאָפּלט האָט מען געמאַכט דעם חושן, אַ שפּאַן זיין לענג, און אַ שפּאַן זיין ברייט, געטאָפּלט. 10 און מע האָט אַריינגעזעצט אין אים פיר ציילן שטיינער: אַ צייל פון רובין, טאָפּאַז, און שמאַראַק, איין צייל; 11 און די צווייטע צייל: גאַרפונקל, סאַפירשטיין, און דימענט; 12 און די דריטע צייל: יאַכצום, אַגאַט, און אַמעטיסט; 13 און די פירטע צייל: גאָלדשטיין, אָניקל, און יאַשפיז; איינגעראָמט אין איינפאַסונגען פון גאָלד אין זייערע אַיינזעצונגען. 14 און די שטיינער זיינען געווען לויט די נעמען פון די קינדער פון ישראל, צוועלף, לויט זייערע נעמען, ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל, איטלעכער לויט זיין נאָמען, אַקעגן די צוועלף שבטים. 15 און מע האָט געמאַכט צום חושן געדרייטע קייטן, פלעכטאַרבעט, פון ריינעם גאָלד. 16 און מע האָט געמאַכט צוויי איינפאַסונגען פון גאָלד, און צוויי גילדערנע רינגען, און מע האָט אַרויפגעטאָן די צוויי רינגען

יז עַל־שְׁנֵי קְצוֹת הַחֹשֶׁן׃ וַיִּתְּנוּ שְׁתֵּי הָעֲבֹתֹת הַזָּהָב עַל־
יח שְׁתֵּי הַטַּבָּעֹת עַל־קְצוֹת הַחֹשֶׁן׃ וְאֵת שְׁתֵּי קְצוֹת שְׁתֵּי
הָעֲבֹתֹת נָתְנוּ עַל־שְׁתֵּי הַמִּשְׁבְּצֹת וַיִּתְּנֻם עַל־כִּתְפֹת
יט הָאֵפֹד אֶל־מוּל פָּנָיו׃ וַיַּעֲשׂוּ שְׁתֵּי טַבְּעֹת זָהָב וַיָּשִׂימוּ עַל־
שְׁנֵי קְצוֹת הַחֹשֶׁן עַל־שְׂפָתוֹ אֲשֶׁר אֶל־עֵבֶר הָאֵפֹד בָּיְתָה׃
כ וַיַּעֲשׂוּ שְׁתֵּי טַבְּעֹת זָהָב וַיִּתְּנֻם עַל־שְׁתֵּי כִתְפֹת הָאֵפֹד
מִלְּמַטָּה מִמּוּל פָּנָיו לְעֻמַּת מַחְבַּרְתּוֹ מִמַּעַל לְחֵשֶׁב הָאֵפֹד׃
כא וַיִּרְכְּסוּ אֶת־הַחֹשֶׁן מִטַּבְּעֹתָיו אֶל־טַבְּעֹת הָאֵפֹד בִּפְתִיל
תְּכֵלֶת לִהְיֹת עַל־חֵשֶׁב הָאֵפֹד וְלֹא־יִזַּח הַחֹשֶׁן מֵעַל הָאֵפֹד
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ
שלי׳ (ששי) כב וַיַּעַשׂ אֶת־מְעִיל הָאֵפֹד מַעֲשֵׂה אֹרֵג כְּלִיל תְּכֵלֶת׃ וּפִי־
כג הַמְּעִיל בְּתוֹכוֹ כְּפִי תַחְרָא שָׂפָה לְפִיו סָבִיב לֹא יִקָּרֵעַ׃
כד וַיַּעֲשׂוּ עַל־שׁוּלֵי הַמְּעִיל רִמּוֹנֵי תְּכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת
כה שָׁנִי מָשְׁזָר׃ וַיַּעֲשׂוּ פַעֲמֹנֵי זָהָב טָהוֹר וַיִּתְּנוּ אֶת־הַפַּעֲמֹנִים
בְּתוֹךְ הָרִמֹּנִים עַל־שׁוּלֵי הַמְּעִיל סָבִיב בְּתוֹךְ הָרִמֹּנִים׃
כו פַּעֲמֹן וְרִמֹּן פַּעֲמֹן וְרִמֹּן עַל־שׁוּלֵי הַמְּעִיל סָבִיב לְשָׁרֵת
כז כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַיַּעֲשׂוּ אֶת־הַכָּתְנֹת
כח שֵׁשׁ מַעֲשֵׂה אֹרֵג לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו׃ וְאֵת הַמִּצְנֶפֶת שֵׁשׁ
וְאֶת־פַּאֲרֵי הַמִּגְבָּעֹת שֵׁשׁ וְאֶת־מִכְנְסֵי הַבָּד שֵׁשׁ מָשְׁזָר׃
כט וְאֶת־הָאַבְנֵט שֵׁשׁ מָשְׁזָר וּתְכֵלֶת וְאַרְגָּמָן וְתוֹלַעַת שָׁנִי
ל מַעֲשֵׂה רֹקֵם כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַיַּעֲשׂוּ אֶת־
צִיץ נֵזֶר־הַקֹּדֶשׁ זָהָב טָהוֹר וַיִּכְתְּבוּ עָלָיו מִכְתַּב פִּתּוּחֵי
לא חוֹתָם קֹדֶשׁ לַיהוָה׃ וַיִּתְּנוּ עָלָיו פְּתִיל תְּכֵלֶת לָתֵת עַל־
לב הַמִּצְנֶפֶת מִלְמָעְלָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַתֵּכֶל
כָּל־עֲבֹדַת מִשְׁכַּן אֹהֶל מוֹעֵד וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל
אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ׃ פ
רב׳ לג וַיָּבִיאוּ אֶת־הַמִּשְׁכָּן אֶל־מֹשֶׁה אֶת־הָאֹהֶל וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו
קְרָסָיו קְרָשָׁיו בְּרִיחָו וְעַמֻּדָיו וַאֲדָנָיו׃ וְאֶת־מִכְסֵה עוֹרֹת

לג׳ בריחיו קרי

אויף די צוויי עקן פון חושן. [17] און מע האָט אַריינגעטאָן די צוויי גילדערנע פלעכטן אין די צוויי רינגען אויף די עקן פון חושן. [18] און די צוויי עקן פון די צוויי פלעכטן האָט מען אַרויפגעטאָן אויף די צוויי איינפאַסונגען, און זיי אַרויפגעטאָן אויף די אַקסלבענדער פון אֵפוד, אויף זיין פאָדערזייט. [19] און מע האָט געמאַכט צוויי גילדערנע רינגען, און אַרויפגעזעצט אויף די צוויי עקן פון חושן, ביי זיין זוים וואָס צו דער זייט פון אֵפוד, אינעווייניק צו.

[20] און מע האָט געמאַכט צוויי גילדערנע רינגען, און זיי אַרויפגעטאָן אויף די צוויי אַקסלבענדער פון אֵפוד, פון אונטן, אויף זיין פאָדערזייט, ביי זיין באַהעפטונג, איבער דעם אַרומבאַנד פון אֵפוד. [21] און מע האָט צוגעשנירט דעם חושן דורך זיינע רינגען צו די רינגען פון אֵפוד, מיט אַ שנור פון בלאָער וואָל, כדי ער זאָל זיין אויף דעם אַרומבאַנד פון אֵפוד, און דער חושן זאָל זיך ניט אַראָפּ־רוקן פון אֵפוד; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[22] און מע האָט געמאַכט דעם מאַנטל פון אֵפוד, וועבאַרבעט, פון לויטער בלאָער וואָל. [23] און די עפענונג פון דעם מאַנטל איז געווען אין זיין מיטן, אַזוי ווי די עפענונג פון אַ פאַנצערהעמד, מיט אַ זוים ביי זיין עפענונג רונד אַרום, ער זאָל זיך ניט צערייסן. [24] און מע האָט געמאַכט אויף די ברעגן פון דעם מאַנטל מילגרוימען פון בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, געצווירנט. [25] און מע האָט געמאַכט גלעקלעך פון ריינעם גאָלד, און אַרויפגעטאָן די גלעקלעך צווישן די מילגרוימען אויף די ברעגן פון דעם מאַנטל רונד אַרום, צווישן די מילגרוימען: [26] אַ גלעקל און אַ מילגרוים, אַ גלעקל און אַ מילגרוים, אויף די ברעגן פון דעם מאַנטל רונד אַרום, אויף צו דינען; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[27] און מע האָט געמאַכט לייַנענע העמדלעך, וועבאַרבעט, פאַר אַהרנען און פאַר זיינע זין; [28] און די לייַנענע הויב, און די שיינע היטלען פון לייַנען, און די לייַנענע הויזן פון געדרייטן לייַנען; [29] און דעם גאַרטל פון געדרייטן לייַנען, און בלאָער וואָל, און פורפּל, און ווערמילרויט, געשטיקטע אַרבעט, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[30] און מע האָט געמאַכט דאָס שטערנבלעך, די הייליקע קרוין, פון ריינעם גאָלד, און אויפגעשריבן אויף אים אַ געשריפטס, ווי אויסקריצונגען פון אַ זיגל „הייליק צו גאָט". [31] און מע האָט אַרויפגעטאָן אויף אים אַ שנור פון בלאָער וואָל, כדי אים אָנצוטאָן אויף דער הויב פון אויבן, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[32] אַזוי איז פאַרענדיקט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט פון דעם מִשכן פון אוהל־מועד; און די קינדער פון ישׂראל האָבן געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן; גענוי אַזוי האָבן זיי געטאָן.

[33] און זיי האָבן געבראַכט דעם מִשכן צו משהן: דאָס געצעלט און אַלע זיינע זאַכן, זיינע האָקן, זיינע ברעטער, זיינע ריגלען, און זיינע זיילן, און זיינע שוועלן; [34] און דעם צודעק פון רויטגעפאַרבטע ווידערפעלן,

הָאֵילִם הַמְאָדָּמִים וְאֶת־מִכְסֵה עֹרֹת הַתְּחָשִׁים וְאֵת פָּרֹכֶת
הַמָּסָךְ׃ אֶת־אֲרוֹן הָעֵדֻת וְאֶת־בַּדָּיו וְאֵת הַכַּפֹּרֶת׃ אֶת־ לה לו
הַשֻּׁלְחָן אֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֵת לֶחֶם הַפָּנִים׃ אֶת־הַמְּנֹרָה לז
הַטְּהֹרָה אֶת־נֵרֹתֶיהָ נֵרֹת הַמַּעֲרָכָה וְאֶת־כָּל־כֵּלֶיהָ וְאֵת
שֶׁמֶן הַמָּאוֹר׃ וְאֵת מִזְבַּח הַזָּהָב וְאֵת שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וְאֵת לח
קְטֹרֶת הַסַּמִּים וְאֵת מָסַךְ פֶּתַח הָאֹהֶל׃ אֵת ׀ מִזְבַּח לט
הַנְּחֹשֶׁת וְאֶת־מִכְבַּר הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר־לוֹ אֶת־בַּדָּיו וְאֶת־כָּל־
כֵּלָיו אֶת־הַכִּיֹּר וְאֶת־כַּנּוֹ׃ אֵת קַלְעֵי הֶחָצֵר אֶת־עַמֻּדֶיהָ מ
וְאֶת־אֲדָנֶיהָ וְאֶת־הַמָּסָךְ לְשַׁעַר הֶחָצֵר אֶת־מֵיתָרָיו וִיתֵדֹתֶיהָ
וְאֵת כָּל־כְּלֵי עֲבֹדַת הַמִּשְׁכָּן לְאֹהֶל מוֹעֵד׃ אֶת־בִּגְדֵי מא
הַשְּׂרָד לְשָׁרֵת בַּקֹּדֶשׁ אֶת־בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ לְאַהֲרֹן הַכֹּהֵן
וְאֶת־בִּגְדֵי בָנָיו לְכַהֵן׃ כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה מב
כֵּן עָשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵת כָּל־הָעֲבֹדָה׃ וַיַּרְא מֹשֶׁה אֶת־ מג
כָּל־הַמְּלָאכָה וְהִנֵּה עָשׂוּ אֹתָהּ כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה כֵּן עָשׂוּ
וַיְבָרֶךְ אֹתָם מֹשֶׁה׃ פ

מ

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ בְּיוֹם־הַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן ב חמ׳ (שב׳)
בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ תָּקִים אֶת־מִשְׁכַּן אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְשַׂמְתָּ שָׁם ג
אֵת אֲרוֹן הָעֵדוּת וְסַכֹּתָ עַל־הָאָרֹן אֶת־הַפָּרֹכֶת׃ וְהֵבֵאתָ ד
אֶת־הַשֻּׁלְחָן וְעָרַכְתָּ אֶת־עֶרְכּוֹ וְהֵבֵאתָ אֶת־הַמְּנֹרָה וְהַעֲלֵיתָ
אֶת־נֵרֹתֶיהָ׃ וְנָתַתָּה אֶת־מִזְבַּח הַזָּהָב לִקְטֹרֶת לִפְנֵי אֲרוֹן ה
הָעֵדֻת וְשַׂמְתָּ אֶת־מָסַךְ הַפֶּתַח לַמִּשְׁכָּן׃ וְנָתַתָּה אֵת ו
מִזְבַּח הָעֹלָה לִפְנֵי פֶּתַח מִשְׁכַּן אֹהֶל־מוֹעֵד׃ וְנָתַתָּ אֶת־ ז
הַכִּיֹּר בֵּין־אֹהֶל מוֹעֵד וּבֵין הַמִּזְבֵּחַ וְנָתַתָּ שָׁם מָיִם׃ וְשַׂמְתָּ ח
אֶת־הֶחָצֵר סָבִיב וְנָתַתָּ אֶת־מָסַךְ שַׁעַר הֶחָצֵר׃ וְלָקַחְתָּ ט
אֶת־שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וּמָשַׁחְתָּ אֶת־הַמִּשְׁכָּן וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־בּוֹ
וְקִדַּשְׁתָּ אֹתוֹ וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְהָיָה קֹדֶשׁ׃ וּמָשַׁחְתָּ אֶת־ י
מִזְבַּח הָעֹלָה וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְקִדַּשְׁתָּ אֶת־הַמִּזְבֵּחַ וְהָיָה

און דעם צודעק פון תַּחַש־פעלן, און דעם פָּרוֹכֶת פון צווישנשייד; 35 דעם אָרון פון געזעץ, און זיינע שטאַנגען, און דעם דעק; 36 דעם טיש, אַלע זיינע כלים, און דאָס ברויט פון אָנגעזיכט; 37 די ריינע מנורה, אירע רערלעך—די רערלעך אויף אָנצוריכטן—און אַלע אירע כלים, און דאָס אייל פאַר לייכטונג; 38 און דעם גילדערנעם מזבח, און דאָס אייל פון זאַלבונג, און דעם ווייררויך פון שמעקעדיקע געווירצן, און דעם טירפאָרהאַנג פון געצעלט; 39 דעם קופּערנעם מזבח, און די קופּערנע זיפּ וואָס צו אים, זיינע שטאַנגען, און אַלע זיינע כלים; דעם האַנטפאַס און זיין געשטעל; 40 די אַרומהאַנגען פון הויף, זיינע (שב׳) זיילן, און זיינע שוועלן, און דעם פאָרהאַנג צום טויער פון הויף, זיינע שטריק, און זיינע פלעקלעך, און אַלע אַרבעטגעצייג פון דעם מִשכן פון אוהל־מועד; 41 די געשטריקטע קליידער אויף צו דינען אין הייליקטום, די הייליקע קליידער פאַר אַהרן דעם כּהן, און די קליידער פון זיינע זין, אויף צו טאָן די כּהונה.

42 אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן, אַזוי האָבן די קינדער פון ישׂראל געמאַכט די גאַנצע אַרבעט. 43 און משה האָט געזען די גאַנצע אַרבעט, אַז זיי האָבן זי געמאַכט; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן, אַזוי האָבן זיי געמאַכט; און משה האָט זיי געבענטשט.

מ 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 אין ערשטן טאָג פון ערשטן חודש זאָלסטו אויפשטעלן דעם מִשכּן פון אוהל־מועד. 3 און זאָלסט אַריינטאָן אַהין דעם אָרון פון געזעץ, און פאַרהענגען דעם אָרון מיטן פָּרוֹכֶת. 4 און זאָלסט אַריינברענגען דעם טיש, און אויסלייגן זיין אויסלייגונג; און זאָלסט אַריינברענגען די מנורה, און אָנצינדן אירע רערלעך. 5 און זאָלסט אַוועקשטעלן דעם גילדערנעם מזבח פאַר ווייררויך, פאַר דעם אָרון פון געזעץ, און אַרויפטאָן דעם טירפאָרהאַנג צום מִשכּן. 6 און זאָלסט אַוועקשטעלן דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער, פאַר דעם אייַנגאַנג פון דעם מִשכּן פון אוהל־מועד. 7 און זאָלסט אַוועקשטעלן דעם האַנטפאַס צווישן אוהל־מועד און צווישן מזבח, און אַריינטאָן אַהין וואַסער. 8 און זאָלסט אויפשטעלן דעם הויף רונד אַרום, און אַרויפטאָן דעם טויערפאָרהאַנג פון הויף.

9 און זאָלסט נעמען דאָס אייל פון זאַלבונג ,און זאַלבן דעם מִשכּן, און אַלץ וואָס אין אים, און הייליקן אים און אַלע זיינע זאַכן, און ער זאָל זיין הייליק. 10 און זאָלסט זאַלבן דעם מזבח פאַר בראַנאָפּפער, און אַלע זיינע כלים, און הייליקן

דעם מזבח; און דער מזבח זאָל זײַן אַ הייליקסטע
הייליקייט. 11 און זאָלסט זאַלבן דעם האַנטפאַס און זײַן
געשטעל, און אים הייליקן.

12 און זאָלסט מאַכן גענענען אַהרנען און זײַנע זין
צום אײַנגאַנג פון אוהל־מועד, און זיי וואַשן מיט וואַסער.
13 און זאָלסט אָנטאָן אַהרנען די הייליקע קליידער, און
זאָלסט אים זאַלבן, און אים הייליקן, אַז ער זאָל זײַן אַ
כהן צו מיר. 14 און זאָלסט מאַכן גענענען זײַנע זין, און
זיי אָנטאָן העמדלעך. 15 און זאָלסט זיי זאַלבן, אַזוי ווי
דו האָסט געזאַלבט זייער פאָטער, אַז זיי זאָלן זײַן כּהנים
צו מיר; און זייער זאַלבונג זאָל זיי זײַן פאַר אַן אייביקער
כהונה אויף זייערע דור־דורות.

16 און משה האָט דאָס געטאָן; אַזוי ווי אַלץ וואָס
גאָט האָט אים באַפוילן, אַזוי האָט ער געטאָן.

17 און עס איז געווען אין ערשטן חודש אין צווייטן
יאָר, אין ערשטן טאָג פון חודש, איז אויפגעשטעלט גע־
וואָרן דער מִשכּן. 18 און משה האָט אויפגעשטעלט דעם
מִשכּן: ער האָט אַוועקגעלייגט זײַנע שוועלן, און אַרײַנ־
געטאָן זײַנע ברעטער, און אַרײַנגעצויגן זײַנע ריגלען, און
אויפגעשטעלט זײַנע זיילן. 19 און ער האָט פאַרשפּרייט
דאָס געצעלט איבערן מִשכּן, און אַרויפגעטאָן דעם צו־
דעק פון געצעלט אויבן איבער אים, אַזוי ווי גאָט האָט
משהן באַפוילן.

יא הַמִּזְבֵּחַ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים: וּמָשַׁחְתָּ אֶת־הַכִּיֹּר וְאֶת־כַּנּוֹ וְקִדַּשְׁתָּ
יב אֹתוֹ: וְהִקְרַבְתָּ אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד
יג וְרָחַצְתָּ אֹתָם בַּמָּיִם: וְהִלְבַּשְׁתָּ אֶת־אַהֲרֹן אֵת בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ
יד וּמָשַׁחְתָּ אֹתוֹ וְקִדַּשְׁתָּ אֹתוֹ וְכִהֵן לִי: וְאֶת־בָּנָיו תַּקְרִיב
טו וְהִלְבַּשְׁתָּ אֹתָם כֻּתֳּנֹת: וּמָשַׁחְתָּ אֹתָם כַּאֲשֶׁר מָשַׁחְתָּ אֶת־
אֲבִיהֶם וְכִהֲנוּ לִי וְהָיְתָה לִהְיֹת לָהֶם מָשְׁחָתָם לִכְהֻנַּת
טז עוֹלָם לְדֹרֹתָם: וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֹתוֹ
ששי כֵּן עָשָׂה: ס וַיְהִי בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית
יח בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הוּקַם הַמִּשְׁכָּן: וַיָּקֶם מֹשֶׁה אֶת־הַמִּשְׁכָּן
וַיִּתֵּן אֶת־אֲדָנָיו וַיָּשֶׂם אֶת־קְרָשָׁיו וַיִּתֵּן אֶת־בְּרִיחָיו וַיָּקֶם
יט אֶת־עַמּוּדָיו: וַיִּפְרֹשׂ אֶת־הָאֹהֶל עַל־הַמִּשְׁכָּן וַיָּשֶׂם אֶת־
מִכְסֵה הָאֹהֶל עָלָיו מִלְמָעְלָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה:
כ ס וַיִּקַּח וַיִּתֵּן אֶת־הָעֵדֻת אֶל־הָאָרֹן וַיָּשֶׂם אֶת־הַבַּדִּים עַל־
כא הָאָרֹן וַיִּתֵּן אֶת־הַכַּפֹּרֶת עַל־הָאָרֹן מִלְמָעְלָה: וַיָּבֵא אֶת־
הָאָרֹן אֶל־הַמִּשְׁכָּן וַיָּשֶׂם אֵת פָּרֹכֶת הַמָּסָךְ וַיָּסֶךְ עַל אֲרוֹן
כב הָעֵדוּת כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה: ס וַיִּתֵּן אֶת־
הַשֻּׁלְחָן בְּאֹהֶל מוֹעֵד עַל יֶרֶךְ הַמִּשְׁכָּן צָפֹנָה מִחוּץ לַפָּרֹכֶת:
כג וַיַּעֲרֹךְ עָלָיו עֵרֶךְ לֶחֶם לִפְנֵי יְהוָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־
כד מֹשֶׁה: ס וַיָּשֶׂם אֶת־הַמְּנֹרָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד נֹכַח הַשֻּׁלְחָן
כה עַל יֶרֶךְ הַמִּשְׁכָּן נֶגְבָּה: וַיַּעַל הַנֵּרֹת לִפְנֵי יְהוָה כַּאֲשֶׁר
כו צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה: ס וַיָּשֶׂם אֶת־מִזְבַּח הַזָּהָב בְּאֹהֶל
כז מוֹעֵד לִפְנֵי הַפָּרֹכֶת: וַיַּקְטֵר עָלָיו קְטֹרֶת סַמִּים כַּאֲשֶׁר
שב׳ צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה: ס וַיָּשֶׂם אֶת־מָסַךְ הַפֶּתַח
כט לַמִּשְׁכָּן: וְאֵת מִזְבַּח הָעֹלָה שָׂם פֶּתַח מִשְׁכַּן אֹהֶל־מוֹעֵד
וַיַּעַל עָלָיו אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־הַמִּנְחָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה
ל אֶת־מֹשֶׁה: ס וַיָּשֶׂם אֶת־הַכִּיֹּר בֵּין־אֹהֶל מוֹעֵד וּבֵין
לא הַמִּזְבֵּחַ וַיִּתֵּן שָׁמָּה מַיִם לְרָחְצָה: וְרָחֲצוּ מִמֶּנּוּ מֹשֶׁה
לב וְאַהֲרֹן וּבָנָיו אֶת־יְדֵיהֶם וְאֶת־רַגְלֵיהֶם: בְּבֹאָם אֶל־אֹהֶל

20 און ער האָט גענומען און אַרײַנגעלייגט דאָס געזעץ אין דעם אָרון, און אַרויפגעטאָן די שטאַנגען אויפן אָרון, און אַרויפגעלייגט דעם דעק אויבן איבערן אָרון. 21 און ער האָט אַרײַנגעבראַכט דעם אָרון אין מִשכּן, און אַרויפגע־טאָן דעם פָּרוֹכֶת פון צווישנשייד, און פאַרהאַנגען דעם אָרון פון געזעץ, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

22 און ער האָט אַרײַנגעשטעלט דעם טיש אין אוהל־מועד, אין צפון־זײַט מִשכּן, דרויסן פון פָּרוֹכֶת. 23 און ער האָט אויסגעלייגט אויף אים אַן אויסלייגונג פון ברויט, פאַר גאָט, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

24 און ער האָט אַוועקגעשטעלט די מנורה אין אוהל־מועד אַקעגן דעם טיש אין דָרום־זײַט מִשכּן. 25 און ער האָט אָנגעצונדן די ליכטלעך פאַר גאָט, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

26 און ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם גילדערנעם מזבח אין אוהל־מועד פאַרן פָּרוֹכֶת. 27 און ער האָט גערייכערט אויף אים ווײַרויך פון שמעקעדיקע געווירצן, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

28 און ער האָט אַרויפגעטאָן דעם טירפאָרהאַנג צום מִשכּן. 29 און דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער האָט ער אַוועק־געשטעלט בײַם אײַנגאַנג פון דעם מִשכּן פון אוהל־מועד, און אויפגעבראַכט אויף אים דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס שפּײַזאָפּפער, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

30 און ער האָט אַוועקגעשטעלט דעם האַנטפאַס צווישן אוהל־מועד און צווישן מזבח, און אַרײַנגעטאָן אַהין וואַסער, זיך צו וואַשן— 31 כּדי משה און אהרן און זײַנע זין זאָלן דערפון וואַשן זייערע הענט און זייערע פיס; 32 ווען זיי קומען אין

מוֹעֵד וּבְקָרְבָתָם אֶל־הַמִּזְבֵּחַ יִרְחָצוּ כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהֹוָה
לג אֶת־מֹשֶׁה׃ ס וַיָּקֶם אֶת־הֶחָצֵר סָבִיב לַמִּשְׁכָּן וְלַמִּזְבֵּחַ
וַיִּתֵּן אֶת־מָסַךְ שַׁעַר הֶחָצֵר וַיְכַל מֹשֶׁה אֶת־הַמְּלָאכָה׃ פ
מפ' וַיְכַס הֶעָנָן אֶת־אֹהֶל מוֹעֵד וּכְבוֹד יְהֹוָה מָלֵא אֶת־
לה הַמִּשְׁכָּן׃ וְלֹא־יָכֹל מֹשֶׁה לָבוֹא אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד כִּי־
לו שָׁכַן עָלָיו הֶעָנָן וּכְבוֹד יְהֹוָה מָלֵא אֶת־הַמִּשְׁכָּן׃ וּבְהֵעָלוֹת
הֶעָנָן מֵעַל הַמִּשְׁכָּן יִסְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּכֹל מַסְעֵיהֶם׃
לז לח וְאִם־לֹא יֵעָלֶה הֶעָנָן וְלֹא יִסְעוּ עַד־יוֹם הֵעָלֹתוֹ׃ כִּי עֲנַן
יְהֹוָה עַל־הַמִּשְׁכָּן יוֹמָם וְאֵשׁ תִּהְיֶה לַיְלָה בּוֹ לְעֵינֵי כָל־
בֵּית־יִשְׂרָאֵל בְּכָל־מַסְעֵיהֶם׃

אוהל־מוֹעד, און ווען זיי גענענען צום מזבח, זאָלן זיי זיך וואַשן—אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

33 און ער האָט אויפגעשטעלט דעם הויף רונד אַרום דעם משכּן און דעם מזבח, און אַרויפגעטאָן דעם טויער־פאָרהאַנג פון הויף.

און משה האָט געענדיקט די אַרבעט.

34 און דער וואָלקן האָט אַיינגעדעקט דעם אוהל־מוֹעד, און די פּראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דעם משכּן. 35 און משה האָט ניט געקענט אַריינגיין אין אוהל־מוֹעד, ווייל דער וואָלקן האָט אויף אים גערוט, און די פּראַכט פון גאָט האָט אָנגעפילט דעם משכּן.

36 און ווען דער וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן פון משכּן, פלעגן די קינדער פון ישׂראל ציען אויף אַלע זייערע ציאונגען. 37 און אַז דער וואָלקן פלעגט זיך ניט אויפהייבן, פלעגן זיי ניט ציען, ביז דעם טאָג וואָס ער האָט זיך אויפגעהויבן. 38 וואָרום דער וואָלקן פון גאָט איז געווען אויפן משכּן ביי טאָג, און אַ פייער פלעגט זיין דרינען ביי נאַכט, פאַר די אויגן פון דעם גאַנצן הויז פון ישׂראל, אין אַלע זייערע ציאונגען.

# חזק

סכום פסוקי דספר ואלה שמות אלף ומאתים ותשעה. אר״ט סימן: וחציו אלהים לא תקלל: ופרשיותיו אחד עשר. אי זה בית אשר תבנו לי סימן: וסדריו עשרים ותשעה. ולילה ללילה יחוה דעת סימן: ופרקיו ארבעים. תורת אלהיו בלבו סימן: מנין הפתוחות תשע וששים. והסתומות חמש ותשעים. הכל מאה וששים וארבע פרשיות: ישלח עזרך מקדש ומציון יסעדך סימן:

# וַיִּקְרָא

וַיִּקְרָא אֶל־מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר יְהוָה אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר׃ א
דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אָדָם כִּי־יַקְרִיב מִכֶּם ב
קָרְבָּן לַיהוָה מִן־הַבְּהֵמָה מִן־הַבָּקָר וּמִן־הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ
אֶת־קָרְבַּנְכֶם׃ אִם־עֹלָה קָרְבָּנוֹ מִן־הַבָּקָר זָכָר תָּמִים ג
יַקְרִיבֶנּוּ אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד יַקְרִיב אֹתוֹ לִרְצֹנוֹ לִפְנֵי
יְהוָה׃ וְסָמַךְ יָדוֹ עַל רֹאשׁ הָעֹלָה וְנִרְצָה לוֹ לְכַפֵּר עָלָיו׃ ד
וְשָׁחַט אֶת־בֶּן הַבָּקָר לִפְנֵי יְהוָה וְהִקְרִיבוּ בְּנֵי אַהֲרֹן ה
הַכֹּהֲנִים אֶת־הַדָּם וְזָרְקוּ אֶת־הַדָּם עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב
אֲשֶׁר־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְהִפְשִׁיט אֶת־הָעֹלָה וְנִתַּח אֹתָהּ ו
לִנְתָחֶיהָ׃ וְנָתְנוּ בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אֵשׁ עַל־הַמִּזְבֵּחַ וְעָרְכוּ ז
עֵצִים עַל־הָאֵשׁ׃ וְעָרְכוּ בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים אֵת הַנְּתָחִים ח
אֶת־הָרֹאשׁ וְאֶת־הַפָּדֶר עַל־הָעֵצִים אֲשֶׁר עַל־הָאֵשׁ אֲשֶׁר
עַל־הַמִּזְבֵּחַ׃ וְקִרְבּוֹ וּכְרָעָיו יִרְחַץ בַּמָּיִם וְהִקְטִיר הַכֹּהֵן ט
אֶת־הַכֹּל הַמִּזְבֵּחָה עֹלָה אִשֵּׁה רֵיחַ־נִיחוֹחַ לַיהוָה׃ ס
וְאִם־מִן־הַצֹּאן קָרְבָּנוֹ מִן־הַכְּשָׂבִים אוֹ מִן־הָעִזִּים לְעֹלָה י
זָכָר תָּמִים יַקְרִיבֶנּוּ׃ וְשָׁחַט אֹתוֹ עַל יֶרֶךְ הַמִּזְבֵּחַ צָפֹנָה יא
לִפְנֵי יְהוָה וְזָרְקוּ בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים אֶת־דָּמוֹ עַל־הַמִּזְבֵּחַ
סָבִיב׃ וְנִתַּח אֹתוֹ לִנְתָחָיו וְאֶת־רֹאשׁוֹ וְאֶת־פִּדְרוֹ וְעָרַךְ יב
הַכֹּהֵן אֹתָם עַל־הָעֵצִים אֲשֶׁר עַל־הָאֵשׁ אֲשֶׁר עַל־הַמִּזְבֵּחַ׃

* יתיר ו' שיטין ספיות ויתחיל כתחלת שיטה ח א' אי זעירא

**א** [1] און גאָט האָט גערופֿן צו משהן, און האָט צו אים גערעדט פֿון אוהל־מועד, אַזוי צו זאָגן: [2] רעד צו די קינדער פֿון ישׂראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַז עמיצער פֿון אײַך וועט ברענגען אַ קרבן צו גאָט, זאָלט איר פֿון פֿי, פֿון רינדער אָדער פֿון שאָף, ברענגען אײַער קרבן. [3] אויב אַ בראַנדאָפּפֿער איז זײַן קרבן, פֿון רינדער, זאָל ער אים ברענגען אַ זָכר אָן אַ פֿעלער; צום אײַנגאַנג פֿון אוהל־מועד זאָל ער אים ברענגען, כּדי ער זאָל באַוויליקט ווערן פֿאַר גאָט. [4] און ער זאָל אָנלענען זײַן האַנט אויפֿן קאָפּ פֿון בראַנדאָפּפֿער, און עס וועט באַוויליקט ווערן פֿון אים, מכפּר צו זײַן אויף אים. [5] און ער זאָל שעכטן דאָס יונגע רינד פֿאַר גאָט, און די קינדער פֿון אַהרן, די כּהנים, זאָלן גענענען דאָס בלוט, און שפּרענגען דאָס בלוט רונד אַרום אויף דעם מזבח וואָס בײַם אײַנגאַנג פֿון אוהל־מועד. [6] און ער זאָל אָפּשינדן דאָס בראַנדאָפּפֿער, און עס צעשנײַדן אויף זײַנע שטיקער. [7] און די קינדער פֿון אַהרן דעם כּהן זאָלן אַרויפֿטאָן פֿײַער אויפֿן מזבח, און אָנלייגן האָלץ אויפֿן פֿײַער. [8] און די קינדער פֿון אַהרן, די כּהנים, זאָלן אויסלייגן די שטיקער, דעם קאָפּ, און דאָס פֿעטס, אויף דעם האָלץ וואָס איבער דעם פֿײַער וואָס אויפֿן מזבח. [9] און זײַנע אינגעווייד און זײַנע קני זאָל ער אָפּשווענקען אין וואַסער, און דער כּהן זאָל אַלצדינג דעמפּן אויפֿן מזבח פֿאַר אַ בראַנדאָפּפֿער, אַ פֿײַעראָפּפֿער פֿאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט.

[10] און אויב זײַן קרבן איז פֿון קלײנפֿי, פֿון שעפּסן אָדער פֿון ציגן, פֿאַר אַ בראַנדאָפּפֿער, זאָל ער אים ברענגען אַ זָכר אָן אַ פֿעלער. [11] און ער זאָל אים שעכטן בײַ דער צפֿון־זײַט פֿון מזבח פֿאַר גאָט, און די קינדער פֿון אַהרן, די כּהנים, זאָלן שפּרענגען זײַן בלוט אויפֿן מזבח רונד אַרום. [12] און ער זאָל אים צעשנײַדן אויף זײַנע שטיקער; און דער כּהן זאָל זיי אויסלייגן מיטן קאָפּ און מיטן פֿעטס אויף דעם האָלץ וואָס איבער דעם פֿײַער וואָס אויפֿן מזבח.

יג וְהַקֶּרֶב וְהַכְּרָעַיִם יִרְחַץ בַּמָּיִם וְהִקְרִיב הַכֹּהֵן אֶת־הַכֹּל
וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה עֹלָה הוּא אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃ פ
שני וְאִם מִן־הָעוֹף עֹלָה קָרְבָּנוֹ לַיהוָה וְהִקְרִיב מִן־הַתֹּרִים
טו אוֹ מִן־בְּנֵי הַיּוֹנָה אֶת־קָרְבָּנוֹ׃ וְהִקְרִיבוֹ הַכֹּהֵן אֶל־הַמִּזְבֵּחַ
וּמָלַק אֶת־רֹאשׁוֹ וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה וְנִמְצָה דָמוֹ עַל קִיר
טז הַמִּזְבֵּחַ׃ וְהֵסִיר אֶת־מֻרְאָתוֹ בְּנֹצָתָהּ וְהִשְׁלִיךְ אֹתָהּ אֵצֶל
יז הַמִּזְבֵּחַ קֵדְמָה אֶל־מְקוֹם הַדָּשֶׁן׃ וְשִׁסַּע אֹתוֹ בִכְנָפָיו לֹא
יַבְדִּיל וְהִקְטִיר אֹתוֹ הַכֹּהֵן הַמִּזְבֵּחָה עַל־הָעֵצִים אֲשֶׁר
עַל־הָאֵשׁ עֹלָה הוּא אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃ ס

ב

א וְנֶפֶשׁ כִּי־תַקְרִיב קָרְבַּן מִנְחָה לַיהוָה סֹלֶת יִהְיֶה קָרְבָּנוֹ
ב וְיָצַק עָלֶיהָ שֶׁמֶן וְנָתַן עָלֶיהָ לְבֹנָה׃ וֶהֱבִיאָהּ אֶל־בְּנֵי
אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים וְקָמַץ מִשָּׁם מְלֹא קֻמְצוֹ מִסָּלְתָּהּ וּמִשַּׁמְנָהּ
עַל כָּל־לְבֹנָתָהּ וְהִקְטִיר הַכֹּהֵן אֶת־אַזְכָּרָתָהּ הַמִּזְבֵּחָה
ג אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃ וְהַנּוֹתֶרֶת מִן־הַמִּנְחָה לְאַהֲרֹן
ד וּלְבָנָיו קֹדֶשׁ קָדָשִׁים מֵאִשֵּׁי יְהוָה׃ ס וְכִי תַקְרִב
קָרְבַּן מִנְחָה מַאֲפֵה תַנּוּר סֹלֶת חַלּוֹת מַצֹּת בְּלוּלֹת בַּשֶּׁמֶן
ה וּרְקִיקֵי מַצּוֹת מְשֻׁחִים בַּשָּׁמֶן׃ ס וְאִם־מִנְחָה עַל־
ו הַמַּחֲבַת קָרְבָּנֶךָ סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן מַצָּה תִהְיֶה׃ פָּתוֹת
שלי אֹתָהּ פִּתִּים וְיָצַקְתָּ עָלֶיהָ שָׁמֶן מִנְחָה הִוא׃ ס וְאִם־
ח מִנְחַת מַרְחֶשֶׁת קָרְבָּנֶךָ סֹלֶת בַּשֶּׁמֶן תֵּעָשֶׂה׃ וְהֵבֵאתָ
אֶת־הַמִּנְחָה אֲשֶׁר יֵעָשֶׂה מֵאֵלֶּה לַיהוָה וְהִקְרִיבָהּ אֶל־
ט הַכֹּהֵן וְהִגִּישָׁהּ אֶל־הַמִּזְבֵּחַ׃ וְהֵרִים הַכֹּהֵן מִן־הַמִּנְחָה
אֶת־אַזְכָּרָתָהּ וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃
י וְהַנּוֹתֶרֶת מִן־הַמִּנְחָה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו קֹדֶשׁ קָדָשִׁים מֵאִשֵּׁי
יא יְהוָה׃ כָּל־הַמִּנְחָה אֲשֶׁר תַּקְרִיבוּ לַיהוָה לֹא תֵעָשֶׂה
חָמֵץ כִּי כָל־שְׂאֹר וְכָל־דְּבַשׁ לֹא־תַקְטִירוּ מִמֶּנּוּ אִשֶּׁה
יב לַיהוָה׃ קָרְבַּן רֵאשִׁית תַּקְרִיבוּ אֹתָם לַיהוָה וְאֶל־הַמִּזְבֵּחַ

13 און די אינגעווייד און די קני זאָל ער אָפּשווענקען אין וואַסער; און דער כּהן זאָל אַלצדינג גענענען, און דעמפּן אויפן מזבח. אַ בראַנדאָפּפער איז דאָס, אַ פייעראָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט.

14 און אויב אַ בראַנדאָפּפער פון עופות איז זיין קרבן צו גאָט, זאָל ער ברענגען זיין קרבן פון טורטלטויבן אָדער פון יונגע טויבן. 15 און דער כּהן זאָל אים גענענען צום מזבח, און אָפּקנייפּן זיין קאָפּ, און דעמפּן אויפן מזבח; און זיין בלוט זאָל אויסגעקוועטשט ווערן אויף דער וואַנט פון מזבח. 16 און ער זאָל אַראָפּנעמען זיין וואָליע מיט אירע פעדערן, און זי אַוועקוואַרפן לעבן מזבח אין מורחדזייט, אין אָרט פון דער אַש. 17 און ער זאָל אים אויפרייסן פאַר זיינע פליגלען, אָבער ניט פאַנאַנדער־שיידן; און דער כּהן זאָל אים דעמפּן אויפן מזבח, אויף דעם האָלץ וואָס איבערן פייער. אַ בראַנדאָפּפער איז דאָס, אַ פייעראָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט.

# ב

1 און אַז עמיצער וועט ברענגען אַ שפּייזאָפּפער צו גאָט, זאָל זיין קרבן זיין פון זעמלמעל, און ער זאָל אַרויפגיסן אויף אים אייל, און אַרויפטאָן אויף אים ווייראויך. 2 און ער זאָל עס ברענגען צו די קינדער פון אהרן, די כּהנים; און ער זאָל אָנהויבן דערפון זיין פולן הויפן־פון זיין זעמלמעל, און פון זיין אייל, מיט זיין גאַנצן ווייראויך, און דער כּהן זאָל דעמפּן זיין דערמאָנונג[א] אויפן מזבח, אַ פייעראָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט. 3 און דאָס איבעריקע פון דעם שפּייזאָפּפער איז פאַר אַהרנען און פאַר זיינע קינדער; אַ הייליקסטע הייליקייט פון די פייעראָפּפער פון גאָט.

4 און אַז דו וועסט ברענגען אַ שפּייזאָפּפער געבאַקן אין אַן אויוון, זאָל עס זיין פון זעמלמעל, אומגעזייערטע חלות פאַרמישט מיט אייל, אָדער אומגעזייערטע קוכנס באַשמירט מיט אייל.

5 און אויב אַ שפּייזאָפּפער אויף אַ באַקפאַן איז דיין קרבן, זאָל עס זיין פון זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, אומגעזייערט. 6 זאָלסט עס צעבראָקן אין בראָקן, און אַרויפגיסן דערויף אייל; אַ שפּייזאָפּפער איז דאָס.

7 און אויב אַ שפּייזאָפּפער אין אַ בראָטפאַן איז דיין קרבן, זאָל עס געמאַכט ווערן פון זעמלמעל מיט אייל.

8 און זאָלסט ברענגען דאָס שפּייזאָפּפער וואָס ווערט געמאַכט פון דידאָזיקע, צו גאָט; און מע זאָל עס דערלאַנגען צום כּהן, און ער זאָל עס גענענען צום מזבח. 9 און דער כּהן זאָל אַראָפּהייבן פון דעם שפּייזאָפּפער זיין דערמאָנונג, און דעמפּן אויפן מזבח–אַ פייעראָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט. 10 און דאָס איבעריקע פון דעם שפּייזאָפּפער איז פאַר אַהרנען און פאַר זיינע קינדער; אַ הייליקסטע הייליקייט פון די פייעראָפּפער פון גאָט. 11 קיין שפּייזאָפּפער וואָס איר וועט ברענגען צו גאָט, זאָל ניט געמאַכט ווערן פון חמץ, ווארום פון קיין זויערטייג און קיין האָניק טאָרט איר ניט דעמפּן אַ פייעראָפּפער צו גאָט. 12 פאַר אַ גאָב פון ערשטפּרוכט מעגט איר זיי ברענגען צו גאָט, אָבער אויפן מזבח

[א] פון דעם טייל וואָס איז פאַר אַ דערמאָנונג צו גאָט, אָדער, פון דעם שמעקעדיקן טייל.

לֹא־יַעֲלוּ לְרֵיחַ נִיחֹחַ׃ וְכָל־קָרְבַּן מִנְחָתְךָ בַּמֶּלַח תִּמְלָח יג
וְלֹא תַשְׁבִּית מֶלַח בְּרִית אֱלֹהֶיךָ מֵעַל מִנְחָתֶךָ עַל כָּל־
קָרְבָּנְךָ תַּקְרִיב מֶלַח׃ ס וְאִם־תַּקְרִיב מִנְחַת בִּכּוּרִים יד
לַיהוָה אָבִיב קָלוּי בָּאֵשׁ גֶּרֶשׂ כַּרְמֶל תַּקְרִיב אֵת מִנְחַת
בִּכּוּרֶיךָ׃ וְנָתַתָּ עָלֶיהָ שֶׁמֶן וְשַׂמְתָּ עָלֶיהָ לְבֹנָה מִנְחָה טו
הִוא׃ וְהִקְטִיר הַכֹּהֵן אֶת־אַזְכָּרָתָהּ מִגִּרְשָׂהּ וּמִשַּׁמְנָהּ טז
עַל כָּל־לְבֹנָתָהּ אִשֶּׁה לַיהוָה׃ פ

ג

וְאִם־זֶבַח שְׁלָמִים קָרְבָּנוֹ אִם מִן־הַבָּקָר הוּא מַקְרִיב אִם־ רב׳
זָכָר אִם־נְקֵבָה תָּמִים יַקְרִיבֶנּוּ לִפְנֵי יְהוָה׃ וְסָמַךְ יָדוֹ ב
עַל־רֹאשׁ קָרְבָּנוֹ וּשְׁחָטוֹ פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד וְזָרְקוּ בְּנֵי
אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים אֶת־הַדָּם עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃ וְהִקְרִיב ג
מִזֶּבַח הַשְּׁלָמִים אִשֶּׁה לַיהוָה אֶת־הַחֵלֶב הַמְכַסֶּה אֶת־
הַקֶּרֶב וְאֵת כָּל־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עַל־הַקֶּרֶב׃ וְאֵת שְׁתֵּי הַכְּלָיֹת ד
וְאֶת־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עֲלֵהֶן אֲשֶׁר עַל־הַכְּסָלִים וְאֶת־הַיֹּתֶרֶת
עַל־הַכָּבֵד עַל־הַכְּלָיוֹת יְסִירֶנָּה׃ וְהִקְטִירוּ אֹתוֹ בְנֵי־ ה
אַהֲרֹן הַמִּזְבֵּחָה עַל־הָעֹלָה אֲשֶׁר עַל־הָעֵצִים אֲשֶׁר עַל־
הָאֵשׁ אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃ פ
וְאִם־מִן־הַצֹּאן קָרְבָּנוֹ לְזֶבַח שְׁלָמִים לַיהוָה זָכָר אוֹ נְקֵבָה ו
תָּמִים יַקְרִיבֶנּוּ׃ אִם־כֶּשֶׂב הוּא־מַקְרִיב אֶת־קָרְבָּנוֹ וְהִקְרִיב ז
אֹתוֹ לִפְנֵי יְהוָה׃ וְסָמַךְ אֶת־יָדוֹ עַל־רֹאשׁ קָרְבָּנוֹ וְשָׁחַט ח
אֹתוֹ לִפְנֵי אֹהֶל מוֹעֵד וְזָרְקוּ בְּנֵי אַהֲרֹן אֶת־דָּמוֹ עַל־
הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃ וְהִקְרִיב מִזֶּבַח הַשְּׁלָמִים אִשֶּׁה לַיהוָה ט
חֶלְבּוֹ הָאַלְיָה תְמִימָה לְעֻמַּת הֶעָצֶה יְסִירֶנָּה וְאֶת־הַחֵלֶב
הַמְכַסֶּה אֶת־הַקֶּרֶב וְאֵת כָּל־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עַל־הַקֶּרֶב׃
וְאֵת שְׁתֵּי הַכְּלָיֹת וְאֶת־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עֲלֵהֶן אֲשֶׁר עַל־ י
הַכְּסָלִים וְאֶת־הַיֹּתֶרֶת עַל־הַכָּבֵד עַל־הַכְּלָיֹת יְסִירֶנָּה׃
וְהִקְטִירוֹ הַכֹּהֵן הַמִּזְבֵּחָה לֶחֶם אִשֶּׁה לַיהוָה׃ פ יא

טאָרן זיי ניט אַרויפקומען פאַר אַ געשמאַקן ריח. [13] און דיין איטלעך שפּייזאָפּפער זאָלסטו מיט זאַלץ באַזאַלצן, און זאָלסט נין אויסלאָזן פון דיין שפּייזאָפּפער דאָס זאַלץ פון דיין גאָטס בונד; מיט דיין איטלעכן קרבן זאָלסטו מקריב זיין זאַלץ.

[14] און אויב דו וועסט ברענגען אַ שפּייזאָפּפער פון ערשטצייטיקע צו גאָט, זאָלסטו ברענגען זאַנגען געברענט אין פייער, גריץ פון פרישע קערנער, פאַר דעם שפּייזאָפּפער פון דיינע ערשטצייטיקע. [15] און זאָלסט אַרויפגיסן אויף אים אייל, און אַרויפטאָן אויף אים ווייראויך; אַ שפּייזאָפּפער איז דאָס. [16] און דער כּהן זאָל דעמפן זיין דערמאָנונג, פון זיין גריץ, און פון זיין אייל, מיט זיין גאַנצן ווייראויך, אַ פייעראָפּפער צו גאָט.

ג [1] און אויב אַ פרידאָפּפער איז זיין קרבן, אויב ער ברענגט פון רינדער, סיי אַ זָכר, סיי אַ נקבה, זאָל ער אָן אַ פעלער אים ברענגען פאַר גאָט. [2] און ער זאָל אָנלענען זיין האַנט אויפן קאָפּ פון זיין קרבן, און אים שעכטן ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד, און די קינדער פון אַהרן, די כּהנים, זאָלן שפּרענגען דאָס בלוט אויפן מזבח רונד אַרום. [3] און ער זאָל גענענען פון דעם פרידאָפּפער, אַ פייעראָפּפער צו גאָט, דאָס פעטס וואָס דעקט צו די אינגעווייד, און דאָס גאַנצע פעטס וואָס אויף די אינגעווייד, [4] און ביידע נירן, און דאָס פעטס וואָס אויף זיי, וואָס ביי די פלאַנקען, און דאָס רויטפלייש איבערן לעבער—ביי די נירן זאָל ער עס אַראָפּנעמען. [5] און די קינדער פון אַהרן זאָלן עס דעמפן אויפן מזבח איבער דעם בראַנדאָפּפער וואָס אויפן האָלץ וואָס איבערן פייער, אַ פייעראָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט.

[6] און אויב פון קליינפי איז זיין קרבן פאַר אַ פרידאָפּפער צו גאָט, אַ זָכר אָדער אַ נקבה, זאָל ער אָן אַ פעלער אים ברענגען. [7] אויב אַ שעפּס ברענגט ער פאַר זיין קרבן, זאָל ער אים גענענען פאַר גאָט. [8] און ער זאָל אָנלענען זיין האַנט אויפן קאָפּ פון זיין קרבן, און אים שעכטן פאַרן אוהל־מועד; און די קינדער פון אַהרן זאָלן שפּרענגען זיין בלוט אויפן מזבח רונד אַרום. [9] און ער זאָל גענענען פון דעם פרידאָפּפער, אַ פייעראָפּפער צו גאָט, זיין פעטס, דעם גאַנצן ווידל—לעבן דעם רוקנביין זאָל ער אים אַראָפּנעמען—און דאָס פעטס וואָס דעקט צו די אינגעווייד, און דאָס גאַנצע פעטס וואָס אויף די אינגעווייד, [10] און ביידע נירן, און דאָס פעטס וואָס אויף זיי, וואָס ביי די פלאַנקען, און דאָס רויטפלייש איבערן לעבער—ביי די נירן זאָל ער עס אַראָפּנעמען. [11] און דער כּהן זאָל עס דעמפן אויפן מזבח, אַ שפּייז פון פייעראָפּפער צו גאָט.

[12] און אויב אַ ציג איז זיין קרבן, זאָל ער אים גע־
נענען פאַר גאָט. [13] און ער זאָל אָנלעגן זיין האַנט אויף
זיין קאָפּ, און אים שעכטן פאַרן אוהל־מועד; און די
קינדער פון אהרן זאָלן שפּרענגען זיין בלוט אויפן מזבח
רונד אַרום. [14] און ער זאָל גענענען דערפון זיין קרבן,
אַ פייעראָפּפער צו גאָט: דאָס פעטס וואָס דעקט צו די
אינגעווייד, און דאָס גאַנצע פעטס וואָס אויף די אינגע־
ווייד, [15] און ביידע נירן, און דאָס פעטס וואָס אויף זיי,
וואָס ביי די פלאַנקען, און דאָס רויטפלייש איבערן
לעבער – ביי די נירן זאָל ער עס אַראָפּנעמען. [16] און
דער כֹּהן זאָל עס דעמפן אויפן מזבח – אַ שפּייז פון פייער־
אָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח; דאָס גאַנצע פעטס צו
גאָט. [17] אַן אייביק געזעץ אויף אייערע דור־דורות אין
אַלע אייערע וווינערטער: קיין חֵלב און קיין בלוט זאָלט
איר ניט עסן.

ד [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:
[2] רעד צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן:
אַז עמיצער וועט זינדיקן דורך אַ פאַרזע אין
וואָסערע עס איז פאַרבאָטזאַכן פון גאָט וואָס טאָרן ניט
געטאָן ווערן, און ער וועט טאָן איינע פון זיי, [3] איז, אויב דאָס וועט זינדיקן דער געזאַלבטער כֹּהן, צו דער פאַר־
שולדיקונג פון פאָלק, זאָל ער מקריב זיין פאַר זיין זינד וואָס ער האָט געזינדיקט, אַ יונגן אָקס אָן אַ פעלער צו גאָט
פאַר אַ זינדאָפּפער. [4] און ער זאָל ברענגען דעם אָקס צום איינגאַנג פון אוהל־מועד פאַר גאָט, און זאָל אָנלעגן
זיין האַנט אויפן קאָפּ פון דעם אָקס, און שעכטן דעם אָקס פאַר גאָט. [5] און דער געזאַלבטער כֹּהן זאָל
נעמען פון דעם בלוט פון אָקס, און זאָל עס ברענגען צום אוהל־מועד. [6] און דער כֹּהן זאָל איינטונקען זיין
פינגער אין דעם בלוט, און שפּריצן פון דעם בלוט זיבן מאָל פאַר גאָט, פאַר דעם פּרוכת פון הייליקטום. [7] און דער כֹּהן
זאָל אַרויפטאָן פון דעם בלוט אויף די הערנער פון דעם מזבח פאַר ווייריך פון שמעקעדיקע געווירצן וואָס פאַר גאָט
אין אוהל־מועד, און דאָס גאַנצע בלוט פון אָקס זאָל ער אויסגיסן אָן גרונט פון דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער
וואָס ביים איינגאַנג פון אוהל־מועד. [8] און דאָס גאַנצע פעטס פון דעם אָקס פון זינדאָפּפער זאָל ער פון אים
אַראָפּנעמען: דאָס פעטס וואָס דעקט צו די אינגעווייד, און דאָס גאַנצע פעטס וואָס אויף די אינגעווייד, [9] און ביידע
נירן, און דאָס פעטס וואָס אויף זיי, וואָס ביי די פלאַנקען, און דאָס רויטפלייש איבערן לעבער – ביי די נירן זאָל ער
עס אַראָפּנעמען, [10] אַזוי ווי עס ווערט אַראָפּגענומען פון דעם אָקס פון פרידאָפּפער; און דער כֹּהן זאָל עס דעמפן אויפן

יב יג וְאִם־עֵז קָרְבָּנוֹ וְהִקְרִיבוֹ לִפְנֵי יְהוָה׃ וְסָמַךְ אֶת־יָדוֹ עַל־
רֹאשׁוֹ וְשָׁחַט אֹתוֹ לִפְנֵי אֹהֶל מוֹעֵד וְזָרְקוּ בְּנֵי אַהֲרֹן אֶת־
יד דָּמוֹ עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃ וְהִקְרִיב מִמֶּנּוּ קָרְבָּנוֹ אִשֶּׁה לַיהוָה
אֶת־הַחֵלֶב הַמְכַסֶּה אֶת־הַקֶּרֶב וְאֵת כָּל־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עַל־
טו הַקֶּרֶב׃ וְאֵת שְׁתֵּי הַכְּלָיֹת וְאֶת־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עֲלֵהֶן אֲשֶׁר
עַל־הַכְּסָלִים וְאֶת־הַיֹּתֶרֶת עַל־הַכָּבֵד עַל־הַכְּלָיוֹת יְסִירֶנָּה׃
טז וְהִקְטִירָם הַכֹּהֵן הַמִּזְבֵּחָה לֶחֶם אִשֶּׁה לְרֵיחַ נִיחֹחַ כָּל־חֵלֶב
יז לַיהוָה׃ חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתֵיכֶם בְּכֹל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם כָּל־חֵלֶב
וְכָל־דָּם לֹא תֹאכֵלוּ׃ פ

ד

הם׳ ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
לֵאמֹר נֶפֶשׁ כִּי־תֶחֱטָא בִשְׁגָגָה מִכֹּל מִצְוֺת יְהוָה אֲשֶׁר
ג לֹא תֵעָשֶׂינָה וְעָשָׂה מֵאַחַת מֵהֵנָּה׃ אִם הַכֹּהֵן הַמָּשִׁיחַ
יֶחֱטָא לְאַשְׁמַת הָעָם וְהִקְרִיב עַל חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא
ד פַּר בֶּן־בָּקָר תָּמִים לַיהוָה לְחַטָּאת׃ וְהֵבִיא אֶת־הַפָּר
אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד לִפְנֵי יְהוָה וְסָמַךְ אֶת־יָדוֹ עַל־רֹאשׁ
ה הַפָּר וְשָׁחַט אֶת־הַפָּר לִפְנֵי יְהוָה׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן הַמָּשִׁיחַ
ו מִדַּם הַפָּר וְהֵבִיא אֹתוֹ אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְטָבַל הַכֹּהֵן אֶת־
אֶצְבָּעוֹ בַּדָּם וְהִזָּה מִן־הַדָּם שֶׁבַע פְּעָמִים לִפְנֵי יְהוָה
ז אֶת־פְּנֵי פָּרֹכֶת הַקֹּדֶשׁ׃ וְנָתַן הַכֹּהֵן מִן־הַדָּם עַל־קַרְנוֹת
מִזְבַּח קְטֹרֶת הַסַּמִּים לִפְנֵי יְהוָה אֲשֶׁר בְּאֹהֶל מוֹעֵד וְאֵת ׀
כָּל־דַּם הַפָּר יִשְׁפֹּךְ אֶל־יְסוֹד מִזְבַּח הָעֹלָה אֲשֶׁר־פֶּתַח
ח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְאֶת־כָּל־חֵלֶב פַּר הַחַטָּאת יָרִים מִמֶּנּוּ אֶת־
הַחֵלֶב הַמְכַסֶּה עַל־הַקֶּרֶב וְאֵת כָּל־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עַל־
ט הַקֶּרֶב׃ וְאֵת שְׁתֵּי הַכְּלָיֹת וְאֶת־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עֲלֵיהֶן אֲשֶׁר
עַל־הַכְּסָלִים וְאֶת־הַיֹּתֶרֶת עַל־הַכָּבֵד עַל־הַכְּלָיוֹת יְסִירֶנָּה׃
י כַּאֲשֶׁר יוּרַם מִשּׁוֹר זֶבַח הַשְּׁלָמִים וְהִקְטִירָם הַכֹּהֵן עַל

ד, י׳ קמץ בז״ק

יא מִזְבַּח הָעֹלָה׃ וְאֶת־עוֹר הַפָּר וְאֶת־כָּל־בְּשָׂרוֹ עַל־רֹאשׁוֹ
יב וְעַל־כְּרָעָיו וְקִרְבּוֹ וּפִרְשׁוֹ׃ וְהוֹצִיא אֶת־כָּל־הַפָּר אֶל־
מִחוּץ לַמַּחֲנֶה אֶל־מָקוֹם טָהוֹר אֶל־שֶׁפֶךְ הַדֶּשֶׁן וְשָׂרַף
אֹתוֹ עַל־עֵצִים בָּאֵשׁ עַל־שֶׁפֶךְ הַדֶּשֶׁן יִשָּׂרֵף׃ פ
יג וְאִם כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל יִשְׁגּוּ וְנֶעְלַם דָּבָר מֵעֵינֵי הַקָּהָל
וְעָשׂוּ אַחַת מִכָּל־מִצְוֺת יְהוָה אֲשֶׁר לֹא־תֵעָשֶׂינָה וְאָשֵׁמוּ׃
יד וְנוֹדְעָה הַחַטָּאת אֲשֶׁר חָטְאוּ עָלֶיהָ וְהִקְרִיבוּ הַקָּהָל פַּר
טו בֶּן־בָּקָר לְחַטָּאת וְהֵבִיאוּ אֹתוֹ לִפְנֵי אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְסָמְכוּ
זִקְנֵי הָעֵדָה אֶת־יְדֵיהֶם עַל־רֹאשׁ הַפָּר לִפְנֵי יְהוָה וְשָׁחַט
טז אֶת־הַפָּר לִפְנֵי יְהוָה׃ וְהֵבִיא הַכֹּהֵן הַמָּשִׁיחַ מִדַּם הַפָּר
יז אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְטָבַל הַכֹּהֵן אֶצְבָּעוֹ מִן־הַדָּם וְהִזָּה
יח שֶׁבַע פְּעָמִים לִפְנֵי יְהוָה אֶת־פְּנֵי הַפָּרֹכֶת׃ וּמִן־הַדָּם
יִתֵּן ׀ עַל־קַרְנֹת הַמִּזְבֵּחַ אֲשֶׁר לִפְנֵי יְהוָה אֲשֶׁר בְּאֹהֶל
מוֹעֵד וְאֵת כָּל־הַדָּם יִשְׁפֹּךְ אֶל־יְסוֹד מִזְבַּח הָעֹלָה אֲשֶׁר־
יט פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְאֵת כָּל־חֶלְבּוֹ יָרִים מִמֶּנּוּ וְהִקְטִיר
כ הַמִּזְבֵּחָה׃ וְעָשָׂה לַפָּר כַּאֲשֶׁר עָשָׂה לְפַר הַחַטָּאת כֵּן
כא יַעֲשֶׂה־לּוֹ וְכִפֶּר עֲלֵהֶם הַכֹּהֵן וְנִסְלַח לָהֶם׃ וְהוֹצִיא אֶת־
הַפָּר אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה וְשָׂרַף אֹתוֹ כַּאֲשֶׁר שָׂרַף אֵת הַפָּר
הָרִאשׁוֹן חַטַּאת הַקָּהָל הוּא׃ פ
כב אֲשֶׁר נָשִׂיא יֶחֱטָא וְעָשָׂה אַחַת מִכָּל־מִצְוֺת יְהוָה אֱלֹהָיו
כג אֲשֶׁר לֹא־תֵעָשֶׂינָה בִּשְׁגָגָה וְאָשֵׁם׃ אוֹ־הוֹדַע אֵלָיו חַטָּאתוֹ
אֲשֶׁר חָטָא בָּהּ וְהֵבִיא אֶת־קָרְבָּנוֹ שְׂעִיר עִזִּים זָכָר תָּמִים׃
כד וְסָמַךְ יָדוֹ עַל־רֹאשׁ הַשָּׂעִיר וְשָׁחַט אֹתוֹ בִּמְקוֹם אֲשֶׁר־
כה יִשְׁחַט אֶת־הָעֹלָה לִפְנֵי יְהוָה חַטָּאת הוּא׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן
מִדַּם הַחַטָּאת בְּאֶצְבָּעוֹ וְנָתַן עַל־קַרְנֹת מִזְבַּח הָעֹלָה וְאֶת־
כו דָּמוֹ יִשְׁפֹּךְ אֶל־יְסוֹד מִזְבַּח הָעֹלָה׃ וְאֶת־כָּל־חֶלְבּוֹ יַקְטִיר
הַמִּזְבֵּחָה כְּחֵלֶב זֶבַח הַשְּׁלָמִים וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן מֵחַטָּאתוֹ
וְנִסְלַח לוֹ׃ פ

מזבח פֿאַר בראַנדאָפּפער. [11] און דאָס פעל פֿון דעם אָקס, און דאָס גאַנצע פלייש זיינס, מיט זיין קאָפּ, און מיט זיינע קני, און זיינע אינגעווייד, און זיין מיסט— [12] דעם גאַנצן אָקס זאָל ער אַרויסטראָגן אויסן לאַגער אין אַ ריינעם אָרט, וווּ מע שיט אויס די אַש, און אים פֿאַרברענען אויף האָלץ אין פֿייער; וווּ מע שיט אויס די אַש זאָל ער פֿאַרברענט ווערן.

[13] און אויב די גאַנצע עדה פֿון ישׂראל וועט פֿאַרזען, ווייל אַ זאַך וועט זיין פֿאַרהוילן פֿון די אויגן פֿון קהל, און זיי וועלן טאָן איינע פֿון אַלע פֿאַרבאָטזאַכן פֿון גאָט וואָס טאָרן ניט געטאָן ווערן, און וועלן זיך פֿאַרשולדיקן, [14] און זיי וועט באַוווּסט ווערן די זינד וואָס זיי האָבן זיך דער־מיט פֿאַרזינדיקט, זאָל קהל ברענגען אַ יונגן אָקס פֿאַר אַ זינדאָפּפער, און זיי זאָלן אים צוברענגען פֿאַרן אוהל־מועד. [15] און די עלטסטע פֿון דער עדה זאָלן אָנלענען זייערע הענט אויפֿן קאָפּ פֿון אָקס פֿאַר גאָט, און מע זאָל שעכטן דעם אָקס פֿאַר גאָט. [16] און דער געזאַלבטער כּהן זאָל ברענגען פֿון דעם בלוט פֿון אָקס צום אוהל־מועד. [17] און דער כּהן זאָל אַיינטונקען זיין פֿינגער אין דעם בלוט, און שפּריצן זיבן מאָל פֿאַר גאָט, פֿאָרנט פֿון פָּרוכֶת. [18] און ער זאָל אַרויפֿטאָן פֿון דעם בלוט אויף די הערנער פֿון דעם מזבח וואָס פֿאַר גאָט, וואָס אין אוהל־מועד, און דאָס גאַנצע בלוט זאָל ער אויסגיסן אָן גרונט פֿון דעם מזבח פֿאַר בראַנדאָפּפער וואָס ביים אַיינגאַנג פֿון אוהל־מועד. [19] און דאָס גאַנצע פֿעטס זיינס זאָל ער אַראָפּנעמען פֿון אים, און דעמפּן אויפֿן מזבח. [20] און ער זאָל טאָן מיט דעם אָקס, אַזוי ווי ער האָט געטאָן מיט דעם אָקס פֿון זינדאָפּפער; גענוי אַזוי זאָל ער טאָן מיט אים; און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף זיי, און זיי וועט פֿאַרגעבן ווערן. [21] און ער זאָל אַרויסטראָגן דעם אָקס אויסן לאַגער, און אים פֿאַרברענען, אַזוי ווי ער האָט פֿאַרברענט דעם פֿריערדיקן אָקס; אַ זינדאָפּפער פֿאַר קהל איז דאָס.

[22] אַז אַ פֿירשט וועט זינדיקן, און וועט טאָן דורך אַ פֿאַרזע איינע פֿון אַלע פֿאַרבאָטזאַכן פֿון יהוה זיין גאָט וואָס טאָרן ניט געטאָן ווערן, און וועט זיך פֿאַרשולדיקן; [23] אויב אים ווערט באַוווּסט זיין זינד וואָס ער האָט זיך דערין פֿאַר־זינדיקט, זאָל ער ברענגען פֿאַר זיין קרבן אַ ציגנבאָק, אַ זָכר אָן אַ פֿעלער. [24] און ער זאָל אָנלענען זיין האַנט אויפֿן קאָפּ פֿון באָק, און אים שעכטן אין דעם אָרט וווּ מע שעכט דאָס בראַנדאָפּפער פֿאַר גאָט; אַ זינדאָפּפער איז דאָס. [25] און דער כּהן זאָל נעמען פֿון דעם בלוט פֿון זינדאָפּפער מיט זיין פֿינגער, און אַרויפֿטאָן אויף די הערנער פֿון דעם מזבח פֿאַר בראַנדאָפּפער; און דאָס [איבעריקע] בלוט זיינס זאָל ער אויסגיסן אָן גרונט פֿון דעם מזבח פֿאַר בראַנד־אָפּפער. [26] און דאָס גאַנצע פֿעטס זיינס זאָל ער דעמפּן אויפֿן מזבח, אַזוי ווי דאָס פֿעטס פֿון דעם פֿרידאָפּפער; און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף אים פֿון וועגן זיין זינד, און אים וועט פֿאַרגעבן ווערן.

ששי וְאִם־נֶפֶשׁ אַחַת תֶּחֱטָא בִשְׁגָגָה מֵעַם הָאָרֶץ בַּעֲשֹׂתָהּ
כח אַחַת מִמִּצְוֺת יְהוָה אֲשֶׁר לֹא־תֵעָשֶׂינָה וְאָשֵׁם׃ אוֹ הוֹדַע
אֵלָיו חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא וְהֵבִיא קָרְבָּנוֹ שְׂעִירַת עִזִּים
כט תְּמִימָה נְקֵבָה עַל־חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא׃ וְסָמַךְ אֶת־יָדוֹ
עַל רֹאשׁ הַחַטָּאת וְשָׁחַט אֶת־הַחַטָּאת בִּמְקוֹם הָעֹלָה׃
ל וְלָקַח הַכֹּהֵן מִדָּמָהּ בְּאֶצְבָּעוֹ וְנָתַן עַל־קַרְנֹת מִזְבַּח הָעֹלָה
לא וְאֶת־כָּל־דָּמָהּ יִשְׁפֹּךְ אֶל־יְסוֹד הַמִּזְבֵּחַ׃ וְאֶת־כָּל־חֶלְבָּהּ
יָסִיר כַּאֲשֶׁר הוּסַר חֵלֶב מֵעַל זֶבַח הַשְּׁלָמִים וְהִקְטִיר
הַכֹּהֵן הַמִּזְבֵּחָה לְרֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן
וְנִסְלַח לוֹ׃ פ
לב וְאִם־כֶּבֶשׂ יָבִיא קָרְבָּנוֹ לְחַטָּאת נְקֵבָה תְמִימָה יְבִיאֶנָּה׃
לג וְסָמַךְ אֶת־יָדוֹ עַל רֹאשׁ הַחַטָּאת וְשָׁחַט אֹתָהּ לְחַטָּאת
לד בִּמְקוֹם אֲשֶׁר יִשְׁחַט אֶת־הָעֹלָה׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן מִדַּם
הַחַטָּאת בְּאֶצְבָּעוֹ וְנָתַן עַל־קַרְנֹת מִזְבַּח הָעֹלָה וְאֶת־כָּל־
לה דָּמָהּ יִשְׁפֹּךְ אֶל־יְסוֹד הַמִּזְבֵּחַ׃ וְאֶת־כָּל־חֶלְבָּהּ יָסִיר
כַּאֲשֶׁר יוּסַר חֵלֶב־הַכֶּשֶׂב מִזֶּבַח הַשְּׁלָמִים וְהִקְטִיר הַכֹּהֵן
אֹתָם הַמִּזְבֵּחָה עַל אִשֵּׁי יְהוָה וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן עַל־
חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר־חָטָא וְנִסְלַח לוֹ׃ פ

ה

א וְנֶפֶשׁ כִּי־תֶחֱטָא וְשָׁמְעָה קוֹל אָלָה וְהוּא עֵד אוֹ רָאָה
ב אוֹ יָדָע אִם־לוֹא יַגִּיד וְנָשָׂא עֲוֺנוֹ׃ אוֹ נֶפֶשׁ אֲשֶׁר תִּגַּע בְּכָל־
דָּבָר טָמֵא אוֹ בְנִבְלַת חַיָּה טְמֵאָה אוֹ בְּנִבְלַת בְּהֵמָה
טְמֵאָה אוֹ בְּנִבְלַת שֶׁרֶץ טָמֵא וְנֶעְלַם מִמֶּנּוּ וְהוּא טָמֵא
ג וְאָשֵׁם׃ אוֹ כִי יִגַּע בְּטֻמְאַת אָדָם לְכֹל טֻמְאָתוֹ אֲשֶׁר יִטְמָא
ד בָּהּ וְנֶעְלַם מִמֶּנּוּ וְהוּא יָדַע וְאָשֵׁם׃ אוֹ נֶפֶשׁ כִּי תִשָּׁבַע
לְבַטֵּא בִשְׂפָתַיִם לְהָרַע ׀ אוֹ לְהֵיטִיב לְכֹל אֲשֶׁר יְבַטֵּא
הָאָדָם בִּשְׁבֻעָה וְנֶעְלַם מִמֶּנּוּ וְהוּא־יָדַע וְאָשֵׁם לְאַחַת
ה מֵאֵלֶּה׃ וְהָיָה כִי־יֶאְשַׁם לְאַחַת מֵאֵלֶּה וְהִתְוַדָּה אֲשֶׁר

[27] און אויב אַן איינצלנער מענטש פון דעם פאָלק פון לאַנד וועט זינדיקן דורך אַ פאַרזע, מיט וואָס ער וועט טאָן איינע פון די פאַרבאָטזאַכן פון גאָט וואָס טאָרן ניט געטאָן ווערן, און וועט זיך פאַרשולדיקן; [28] אויב מע מאַכט אים וויסן זיין זינד וואָס ער האָט געזינדיקט, זאָל ער ברענגען פאַר זיין קרבן אַ ציג אָן אַ פעלער, אַ זי, פאַר דער זינד וואָס ער האָט געזינדיקט. [29] און ער זאָל אָנלענען זיין האַנט אויפן קאָפּ פון דעם זינדאָפּפער, און שעכטן דאָס זינדאָפּפער אין דעם אָרט פון דעם בראַנדאָפּפער. [30] און דער כהן זאָל נעמען פון זיין בלוט מיט זיין פינגער, און אַרויפטאָן אויף די הערנער פון דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער, און דאָס גאַנצע בלוט זיינס זאָל ער אויסגיסן אָן גרונט פון מזבח. [31] און דאָס גאַנצע פעטס זיינס זאָל ער אַראָפּנעמען, אַזוי ווי דאָס פעטס ווערט אַראָפּגענומען פון דעם פרידאָפּפער; און דער כהן זאָל עס דעמפן אויפן מזבח פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט; און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף אים, און אים וועט פאַרגעבן ווערן.

[32] און אויב אַ שעפּס וועט ער ברענגען זיין קרבן פאַר אַ זינדאָפּפער, זאָל ער ברענגען אַ זי אָן אַ פעלער. [33] און ער זאָל אָנלענען זיין האַנט אויפן קאָפּ פון זינדאָפּפער, און זאָל עס שעכטן פאַר אַ זינדאָפּפער, אין דעם אָרט וווּ מע שעכט דאָס בראַנדאָפּפער. [34] און דער כהן זאָל נעמען פון דעם בלוט פון זינדאָפּפער מיט זיין פינגער, און אַרויפטאָן אויף די הערנער פון דעם מזבח פאַר בראַנדאָפּפער, און דאָס גאַנצע בלוט זיינס זאָל ער אויסגיסן אָן גרונט פון מזבח. [35] און דאָס גאַנצע פעטס זיינס זאָל ער אַראָפּנעמען, אַזוי ווי דאָס פעטס פון שעפּס ווערט אַראָפּגענומען פון דעם פרידאָפּפער; און דער כהן זאָל עס דעמפן אויפן מזבח, אויף די פייעראָפּפער פון גאָט; און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף אים פון וועגן זיין זינד וואָס ער האָט געזינדיקט, און אים וועט פאַרגעבן ווערן.

ה [1] און אַז עמיצער וועט זינדיקן מיט וואָס ער וועט הערן דעם קָול פון באַשווערונג, ווען ער איז אַן עדות, סיי ער האָט געזען, סיי ער ווייס עפּעס—אויב ער וועט ניט אויסזאָגן, און טראָגן אויף זיך אַ זינד; [2] אָדער אַז עמיצער וועט זיך אָנרירן אָן עפּעס אַן אומריינער זאַך, סיי אָן דער נבֵלה פון אַן אומריינער חיה, סיי אָן דער נבֵלה פון אַן אומריינער בהמה, סיי אָן דער נבֵלה פון אַן אומריינעם שרץ, און עס וועט זיין פאַרהוילן פון אים אַז ער איז אומריין, און ער וועט זיך פאַרשולדיקן; [3] אָדער אַז ער וועט זיך אָנרירן אָן דער אומריינקייט פון אַ מענטשן, וואָס נאָר זיין אומריינקייט איז וואָס ער איז אומריין דערמיט, און עס וועט זיין פאַרהוילן פון אים; און ער וועט זיך דערוויסן אַז ער האָט זיך פאַרשולדיקט; [4] אָדער אַז עמיצער וועט שווערן דורך אַרויסרעדן מיט די ליפּן צום גוטן אָדער צום שלעכטן, וואָס נאָר אַ מענטש וועט אַרויסרעדן מיט אַ שבועה, און עס וועט זיין פאַרהוילן פון אים; און ער וועט זיך דערוויסן אַז ער איז שולדיק אין איינער פון דידאָזיקע זאַכן; [5] איז, אַז ער פאַרשולדיקט זיך אין איינער פון דידאָזיקע זאַכן, זאָל ער זיך מתוודה זיין אויף

חָטָא עָלֶיהָ׃ וְהֵבִיא אֶת־אֲשָׁמוֹ לַיהוָה עַל חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר ו
חָטָא נְקֵבָה מִן־הַצֹּאן כִּשְׂבָּה אוֹ־שְׂעִירַת עִזִּים לְחַטָּאת
וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן מֵחַטָּאתוֹ׃ וְאִם־לֹא תַגִּיעַ יָדוֹ דֵּי שֶׂה ז
וְהֵבִיא אֶת־אֲשָׁמוֹ אֲשֶׁר חָטָא שְׁתֵּי תֹרִים אוֹ־שְׁנֵי בְנֵי־
יוֹנָה לַיהוָה אֶחָד לְחַטָּאת וְאֶחָד לְעֹלָה׃ וְהֵבִיא אֹתָם ח
אֶל־הַכֹּהֵן וְהִקְרִיב אֶת־אֲשֶׁר לַחַטָּאת רִאשׁוֹנָה וּמָלַק אֶת־
רֹאשׁוֹ מִמּוּל עָרְפּוֹ וְלֹא יַבְדִּיל׃ וְהִזָּה מִדַּם הַחַטָּאת עַל־ ט
קִיר הַמִּזְבֵּחַ וְהַנִּשְׁאָר בַּדָּם יִמָּצֵה אֶל־יְסוֹד הַמִּזְבֵּחַ חַטָּאת
הוּא׃ וְאֶת־הַשֵּׁנִי יַעֲשֶׂה עֹלָה כַּמִּשְׁפָּט וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן י
מֵחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר־חָטָא וְנִסְלַח לוֹ׃ ס וְאִם־לֹא תַשִּׂיג שב׳
יָדוֹ לִשְׁתֵּי תֹרִים אוֹ לִשְׁנֵי בְנֵי־יוֹנָה וְהֵבִיא אֶת־קָרְבָּנוֹ
אֲשֶׁר חָטָא עֲשִׂירִת הָאֵפָה סֹלֶת לְחַטָּאת לֹא־יָשִׂים עָלֶיהָ
שֶׁמֶן וְלֹא־יִתֵּן עָלֶיהָ לְבֹנָה כִּי חַטָּאת הִוא׃ וֶהֱבִיאָהּ אֶל־ יב
הַכֹּהֵן וְקָמַץ הַכֹּהֵן ׀ מִמֶּנָּה מְלוֹא קֻמְצוֹ אֶת־אַזְכָּרָתָהּ
וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה עַל אִשֵּׁי יְהוָה חַטָּאת הִוא׃ וְכִפֶּר יג
עָלָיו הַכֹּהֵן עַל־חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר־חָטָא מֵאַחַת מֵאֵלֶּה וְנִסְלַח
לוֹ וְהָיְתָה לַכֹּהֵן כַּמִּנְחָה׃ ס וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה יד
לֵּאמֹר׃ נֶפֶשׁ כִּי־תִמְעֹל מַעַל וְחָטְאָה בִּשְׁגָגָה מִקָּדְשֵׁי טו
יְהוָה וְהֵבִיא אֶת־אֲשָׁמוֹ לַיהוָה אַיִל תָּמִים מִן־הַצֹּאן בְּעֶרְכְּךָ
כֶּסֶף־שְׁקָלִים בְּשֶׁקֶל־הַקֹּדֶשׁ לְאָשָׁם׃ וְאֵת אֲשֶׁר חָטָא טז
מִן־הַקֹּדֶשׁ יְשַׁלֵּם וְאֶת־חֲמִישִׁתוֹ יוֹסֵף עָלָיו וְנָתַן אֹתוֹ לַכֹּהֵן
וְהַכֹּהֵן יְכַפֵּר עָלָיו בְּאֵיל הָאָשָׁם וְנִסְלַח לוֹ׃ פ
וְאִם־נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא וְעָשְׂתָה אַחַת מִכָּל־מִצְוֹת יְהוָה אֲשֶׁר יז
לֹא תֵעָשֶׂינָה וְלֹא־יָדַע וְאָשֵׁם וְנָשָׂא עֲוֹנוֹ׃ וְהֵבִיא אַיִל יח
תָּמִים מִן־הַצֹּאן בְּעֶרְכְּךָ לְאָשָׁם אֶל־הַכֹּהֵן וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן
עַל שִׁגְגָתוֹ אֲשֶׁר־שָׁגָג וְהוּא לֹא־יָדַע וְנִסְלַח לוֹ׃ אָשָׁם הוּא יט
אָשֹׁם אָשַׁם לַיהוָה׃ פ

ט׳ הצ׳ בצירי   יח׳ קמץ בחטף

וואָס ער האָט געזינדיקט. 6 און ער זאָל ברענגען זיין שולדאָפּפּער צו גאָט פאַר זיין זינד וואָס ער האָט געזינדיקט, אַ זי פון קליינפי, אַ שעפּס אָדער אַ ציג, פאַר אַ זינדאָפּפּער; און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף אים פון וועגן זיין זינד.

7 און אויב זיין האַנט פאַרמאָגט ניט גענוג אויף אַ לאַם, זאָל ער ברענגען פאַר זיין שולדאָפּפּער פאַר וואָס ער האָט געזינדיקט, צוויי טורטלטויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן, צו גאָט: איינע פאַר אַ זינדאָפּפּער און איינע פאַר אַ בראַנדאָפּפּער. 8 און ער זאָל זיי ברענגען צום כהן; און ער זאָל מקריב זיין די וואָס פאַר אַ זינדאָפּפּער צום ערשט, און אָפּקנייפּן איר קאָפּ ביי איר געניק, אָבער ניט פאַנאַנדערשיידן. 9 און ער זאָל שפּריצן פון דעם בלוט פון זינדאָפּפּער אויף דער וואַנט פון מזבח, און דער רעשט פון דעם בלוט זאָל אויסגעקוועטשט ווערן אָן גרונט פון מזבח; אַ זינדאָפּפּער איז דאָס. 10 און די צווייטע זאָל ער מאַכן פאַר אַ בראַנדאָפּפּער אַזוי ווי דער דין; און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף אים פון וועגן זיין זינד וואָס ער האָט געזינדיקט, און אים וועט פאַרגעבן ווערן.

11 און אויב זיין האַנט פאַרמאָגט ניט אויף צוויי טורטלטויבן, אָדער אויף צוויי יונגע טויבן, זאָל ער ברענגען פאַר זיין קרבן פאַר וואָס ער האָט געזינדיקט, אַ צענטל איפה זעמלמעל פאַר אַ זינדאָפּפּער; ער זאָל ניט אַרויפטאָן אויף אים אייל. און ניט אַרויפלייגן אויף אים ווייריך, וואָרום אַ זינדאָפּפּער איז דאָס. 12 און ער זאָל עס ברענגען צום כהן, און דער כהן זאָל אָנהויפּן פון אים זיין פולן הויפן–זיין דערמאָנונג–און דעמפן אויפן מזבח, אויף די פייעראָפּפּער פון גאָט; אַ זינדאָפּפּער איז דאָס. 13 און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף אים פאַר זיין זינד וואָס ער האָט געזינדיקט אין איינער פון דידאָזיקע זאַכן, און אים וועט פאַרגעבן ווערן. און עס זאָל געהערן צום כהן אַזוי ווי אַ שפּייזאָפּפּער.

14 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 15 אַז עמיצער וועט פעלשן אַ פעלשונג, און וועט זינדיקן דורך אַ פאַרזע אַקעגן די הייליקייטן פון גאָט, זאָל ער ברענגען זיין שולדאָפּפּער צו גאָט: אַ ווידער פון די שאָף, אָן אַ פעלער, לויט דיין אָפּשאַצונג אין זילבער־שקלים, אויפן הייליקן שקל, פאַר אַ שולדאָפּפּער. 16 און וואָס ער האָט פאַר־שולדיקט קעגן דער הייליקייט זאָל ער אָפּצאָלן, און צולייגן דערצו אַ פינפטל דערפון, און דאָס געבן צום כהן; און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף אים מיט דעם ווידער פון שולדאָפּפּער, און אים וועט פאַרגעבן ווערן.

17 און אויב עמיצער וועט זינדיקן, און וועט טאָן איינע פון אַלע פאַרבאָטאָכן פון גאָט וואָס טאָרן ניט געטאָן ווערן, ווייל ער האָט ניט געוווסט, און ער וועט זיך פאַרשולדיקן און טראָגן אויף זיך אַ זינד, 18 זאָל ער ברענגען אַ ווידער פון די שאָף, אָן אַ פעלער, לויט דיין אָפּשאַצונג, פאַר אַ שולדאָפּפּער, צום כהן; און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף אים, פאַר דעם פאַרזע וואָס ער האָט פאַרזען, ווייל ער האָט ניט געוווסט, און אים וועט פאַרגעבן ווערן. 19 אַ שולד־אָפּפּער איז דאָס; פאַרשולדיקן האָט ער זיך פאַרשולדיקט קעגן גאָט.

[20] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:
[21] אַז עמיצער וועט זינדיקן, און וועט פעלשן אַ פעלשונג
אָן גאָט, און וועט פאַרלייקענען זיין חבר אַן אײַנלאָג,
אָדער אַ משכון, אָדער אַ גזלה, אָדער ער וועט קריוודען
זיין חבר; [22] אָדער ער האָט געפונען פאַרלאָרנס און
פאַרלייקנט עס, און שווערט פאַלש—אין איינער פון די
אַלע זאַכן וואָס אַ מענטש באַגייט דערמיט אַ זינד; [23] איז,
אַז ער האָט אַזוי געזינדיקט און זיך פאַרשולדיקט, זאָל
ער אומקערן די גזלה וואָס ער האָט געגזלט, אָדער די
קריוודע וואָס ער האָט געקריוודעט, אָדער דעם אײַנלאָג
וואָס איז אײַנגעלייגט געוואָרן ביי אים, אָדער דאָס פאַר־
לאָרענע וואָס ער האָט געפונען, [24] אָדער וואָס נאָר ער האָט געשוואָרן דערויף פאַלש; און ער זאָל באַצאָלן דעם
קרן דערפון, און אַ פינפטל דערפון צולייגן דערצו; צו דעם וועמען עס געהערט זאָל ער עס אָפּגעבן אין דעם טאָג
וואָס ער שפּירט זיך שולדיק. [25] און ער זאָל ברענגען זיין שולדאָפּפער צו גאָט: אַ ווידער פון די שאָף, אָן אַ
פעלער, לויט דיין אָפּשאַצונג, פאַר אַ שולדאָפּפער צום כּהן. [26] און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף אים פאַר גאָט, און
אים וועט פאַרגעבן ווערן וואָס נאָר פון אַלעם דעם ער האָט געטאָן זיך צו פאַרשולדיקן דערמיט.

כ וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר: נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא וּמָעֲלָה
כא מַעַל בַּיהוָה וְכִחֵשׁ בַּעֲמִיתוֹ בְּפִקָּדוֹן אוֹ־בִתְשׂוּמֶת יָד אוֹ
כב בְגָזֵל אוֹ עָשַׁק אֶת־עֲמִיתוֹ: אוֹ־מָצָא אֲבֵדָה וְכִחֶשׁ בָּהּ
וְנִשְׁבַּע עַל־שָׁקֶר עַל־אַחַת מִכֹּל אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה הָאָדָם לַחֲטֹא
כג בָהֵנָּה: וְהָיָה כִּי־יֶחֱטָא וְאָשֵׁם וְהֵשִׁיב אֶת־הַגְּזֵלָה אֲשֶׁר
גָּזָל אוֹ אֶת־הָעֹשֶׁק אֲשֶׁר עָשָׁק אוֹ אֶת־הַפִּקָּדוֹן אֲשֶׁר הָפְקַד
מפ׳ אִתּוֹ אוֹ אֶת־הָאֲבֵדָה אֲשֶׁר מָצָא: אוֹ מִכֹּל אֲשֶׁר־יִשָּׁבַע
עָלָיו לַשֶּׁקֶר וְשִׁלַּם אֹתוֹ בְּרֹאשׁוֹ וַחֲמִשִׁתָיו יֹסֵף עָלָיו לַאֲשֶׁר
כה הוּא לוֹ יִתְּנֶנּוּ בְּיוֹם אַשְׁמָתוֹ: וְאֶת־אֲשָׁמוֹ יָבִיא לַיהוָה אַיִל
כו תָּמִים מִן־הַצֹּאן בְּעֶרְכְּךָ לְאָשָׁם אֶל־הַכֹּהֵן: וְכִפֶּר עָלָיו
הַכֹּהֵן לִפְנֵי יְהוָה וְנִסְלַח לוֹ עַל־אַחַת מִכֹּל אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה
לְאַשְׁמָה בָהּ: פ

# צַו

ו

[1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:
[2] באַפעל אַהרנען און זיינע זין, אַזוי צו זאָגן:
דאָס איז דער דין פון דעם בראַנדאָפּפער[a]: דאָס
איז דאָס וואָס גייט אַרויף[a] אויפן בראַנד אויפן מזבח אויף אַ
גאַנצע נאַכט ביז אין דער פרי; און דאָס פייער פון מזבח
זאָל געהאַלטן ווערן אין ברענען דערויף. [3] און דער
כּהן זאָל אָנטאָן זיין ליינען קלייד, און ליינענע הויזן זאָל
ער אָנטאָן אויף זיין לייב; און ער זאָל אַראָפּנעמען די
אַש אויף וואָס דאָס פייער האָט פאַרצערט דאָס בראַנד־
אָפּפער אויפן מזבח, און ער זאָל עס אַהינטאָן לעבן מזבח.
[4] און ער זאָל אויסטאָן זיינע קליידער, און אָנטאָן אַנדערע
קליידער, און אַרויסטראָגן די אַש אויסן לאַגער אין אַ
ריינעם אָרט. [5] און דאָס פייער אויפן מזבח זאָל געהאַלטן
ווערן אין ברענען דערויף, עס זאָל ניט פאַרלאָשן ווערן.
און דער כּהן זאָל אָנצינדן דערויף האָלץ פרימאָרגן אין פרימאָרגן; און ער זאָל אויסלייגן דערויף דאָס בראַנדאָפּפער,
און דעמפן דערויף דאָס פעטס פון די פרידאָפּפער. [6] אַ פייער זאָל תּמיד געהאַלטן ווערן אין ברענען אויפן מזבח;
עס זאָל ניט פאַרלאָשן ווערן.
[7] און דאָס איז דער דין פון דעם שפּייזאָפּפער: די קינדער פון אַהרן זאָלן עס גענענען פאַר גאָט פאַרנט פון מזבח.
[8] און ער זאָל אַראָפּנעמען דערפון מיט זיין הויפן: פון דעם זעמלמעל פון דעם שפּייזאָפּפער, און פון זיין אייל, און דעם

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר: צַו אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־בָּנָיו
ב לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הָעֹלָה הִוא הָעֹלָה עַל מוֹקְדָה עַל־
הַמִּזְבֵּחַ כָּל־הַלַּיְלָה עַד־הַבֹּקֶר וְאֵשׁ הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד בּוֹ:
ג וְלָבַשׁ הַכֹּהֵן מִדּוֹ בַד וּמִכְנְסֵי־בַד יִלְבַּשׁ עַל־בְּשָׂרוֹ
וְהֵרִים אֶת־הַדֶּשֶׁן אֲשֶׁר תֹּאכַל הָאֵשׁ אֶת־הָעֹלָה עַל־
ד הַמִּזְבֵּחַ וְשָׂמוֹ אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ: וּפָשַׁט אֶת־בְּגָדָיו וְלָבַשׁ
בְּגָדִים אֲחֵרִים וְהוֹצִיא אֶת־הַדֶּשֶׁן אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה אֶל־
ה מָקוֹם טָהוֹר: וְהָאֵשׁ עַל־הַמִּזְבֵּחַ תּוּקַד־בּוֹ לֹא תִכְבֶּה
וּבִעֵר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן עֵצִים בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר וְעָרַךְ עָלֶיהָ הָעֹלָה
ו וְהִקְטִיר עָלֶיהָ חֶלְבֵי הַשְּׁלָמִים: אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד עַל־
ז הַמִּזְבֵּחַ לֹא תִכְבֶּה: ס וְזֹאת תּוֹרַת הַמִּנְחָה הַקְרֵב
ח אֹתָהּ בְּנֵי־אַהֲרֹן לִפְנֵי יְהוָה אֶל־פְּנֵי הַמִּזְבֵּחַ: וְהֵרִים
מִמֶּנּוּ בְּקֻמְצוֹ מִסֹּלֶת הַמִּנְחָה וּמִשַּׁמְנָהּ וְאֵת כָּל־הַלְּבֹנָה

ה, כג׳ קמץ מרביע   קמץ מ״ק   ו, ב׳ מ׳ זעירא   ח׳ סבירין מכבה

[a] הָעוֹלָה.

אֲשֶׁר עַל־הַמִּנְחָה וְהִקְטִיר הַמִּזְבֵּחַ רֵיחַ נִיחֹחַ אַזְכָּרָתָהּ
ט לַיהוָה׃ וְהַנּוֹתֶרֶת מִמֶּנָּה יֹאכְלוּ אַהֲרֹן וּבָנָיו מַצּוֹת תֵּאָכֵל
י בְּמָקוֹם קָדֹשׁ בַּחֲצַר אֹהֶל־מוֹעֵד יֹאכְלוּהָ׃ לֹא תֵאָפֶה
חָמֵץ חֶלְקָם נָתַתִּי אֹתָהּ מֵאִשָּׁי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא כַּחַטָּאת
יא וְכָאָשָׁם׃ כָּל־זָכָר בִּבְנֵי אַהֲרֹן יֹאכְלֶנָּה חָק־עוֹלָם לְדֹרֹתֵיכֶם
מֵאִשֵּׁי יְהוָה כֹּל אֲשֶׁר־יִגַּע בָּהֶם יִקְדָּשׁ׃ פ
שני יג וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ זֶה קָרְבַּן אַהֲרֹן וּבָנָיו
אֲשֶׁר־יַקְרִיבוּ לַיהוָה בְּיוֹם הִמָּשַׁח אֹתוֹ עֲשִׂירִת הָאֵפָה
סֹלֶת מִנְחָה תָּמִיד מַחֲצִיתָהּ בַּבֹּקֶר וּמַחֲצִיתָהּ בָּעָרֶב׃
יד עַל־מַחֲבַת בַּשֶּׁמֶן תֵּעָשֶׂה מֻרְבֶּכֶת תְּבִיאֶנָּה תֻּפִינֵי מִנְחַת
טו פִּתִּים תַּקְרִיב רֵיחַ־נִיחֹחַ לַיהוָה׃ וְהַכֹּהֵן הַמָּשִׁיחַ תַּחְתָּיו
טז מִבָּנָיו יַעֲשֶׂה אֹתָהּ חָק־עוֹלָם לַיהוָה כָּלִיל תָּקְטָר׃ וְכָל־
מִנְחַת כֹּהֵן כָּלִיל תִּהְיֶה לֹא תֵאָכֵל׃ פ
יז יח וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־
בָּנָיו לֵאמֹר זֹאת תּוֹרַת הַחַטָּאת בִּמְקוֹם אֲשֶׁר תִּשָּׁחֵט
הָעֹלָה תִּשָּׁחֵט הַחַטָּאת לִפְנֵי יְהוָה קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא׃
יט הַכֹּהֵן הַמְחַטֵּא אֹתָהּ יֹאכְלֶנָּה בְּמָקוֹם קָדֹשׁ תֵּאָכֵל
כ בַּחֲצַר אֹהֶל מוֹעֵד׃ כֹּל אֲשֶׁר־יִגַּע בִּבְשָׂרָהּ יִקְדָּשׁ
וַאֲשֶׁר יִזֶּה מִדָּמָהּ עַל־הַבֶּגֶד אֲשֶׁר יִזֶּה עָלֶיהָ תְּכַבֵּס בְּמָקוֹם
כא קָדֹשׁ׃ וּכְלִי־חֶרֶשׂ אֲשֶׁר תְּבֻשַּׁל־בּוֹ יִשָּׁבֵר וְאִם־בִּכְלִי
כב נְחֹשֶׁת בֻּשָּׁלָה וּמֹרַק וְשֻׁטַּף בַּמָּיִם׃ כָּל־זָכָר בַּכֹּהֲנִים
כג יֹאכַל אֹתָהּ קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא׃ וְכָל־חַטָּאת אֲשֶׁר
יוּבָא מִדָּמָהּ אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד לְכַפֵּר בַּקֹּדֶשׁ לֹא תֵאָכֵל
בָּאֵשׁ תִּשָּׂרֵף׃ פ

## ז

א ב וְזֹאת תּוֹרַת הָאָשָׁם קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הוּא׃ בִּמְקוֹם אֲשֶׁר
יִשְׁחֲטוּ אֶת־הָעֹלָה יִשְׁחֲטוּ אֶת־הָאָשָׁם וְאֶת־דָּמוֹ יִזְרֹק
ג עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃ וְאֵת כָּל־חֶלְבּוֹ יַקְרִיב מִמֶּנּוּ אֵת

גאַנצן ווייַרויך וואָס אויפן שפּייזאָפּפער; און ער זאָל דעמפן זיין דערמאָנונג אויפן מזבח פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט. 9 און דאָס איבעריקע פון אים זאָלן עסן אַהרן און זיינע זין; אומגעזייערט זאָל עס געגעסן ווערן, אין אַ הייליקן אָרט; אין הויף פון אוהל־מועד זאָלן זיי עס עסן. 10 עס זאָל ניט געבאַקט ווערן געזייערט. פאַר זייער חלק האָב איך דאָס זיי געגעבן פון מיינע פייעראָפּפער; אַ הייליקסטע הייליקייט איז דאָס, אַזוי ווי דאָס זינדאָפּפער, און אַזוי ווי דאָס שולדאָפּפער. 11 יעטוועדער מאַנס־פאַרשוין צווישן די קינדער פון אַהרן מעג עס עסן; אַן אייביק רעכט אויף אייערע דור־דורות פון די פייער־אָפּפער פון גאָט; אַלץ וואָס וועט זיך אָנרירן אָן דעם זאָל ווערן הייליק.

12 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 13 דאָס איז דער קרבן פון אַהרנען און זיינע זין, וואָס זיי זאָלן מקריב זיין צו גאָט אין דעם טאָג וואָס ער ווערט געזאַלבט: אַ צענטל אֵיפָה זעמלמעל פאַר אַ שפּייזאָפּפער תמיד, אַ העלפט דערפון אין דער פרי, און אַ העלפט דערפון אין אָוונט. 14 אויף אַ באַקפאַן, מיט אייל, זאָל עס געמאַכט ווערן; גוט דורכגעשלאָגן זאָלסטו עס ברענגען; אַ געבאַקט שפּייזאָפּפער אין בראָקן זאָלסטו עס מקריב זיין פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט. 15 און דער כהן וואָס איז דער געזאַלבטער אויף זיין אָרט פון צווישן זיינע זין, זאָל עס מאַכן; אַן אייביק געזעץ; אין גאַנצן צו גאָט זאָל עס געדעמפט ווערן. 16 און יעטוועדער שפּייזאָפּפער פון אַ כהן זאָל אין גאַנצן פאַרברענט ווערן; עס זאָל ניט געגעסן ווערן.

17 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 18 רעד צו אַהרנען און צו זיינע זין, אַזוי צו זאָגן:

דאָס איז דער דין פון דעם זינדאָפּפער: אין דעם אָרט וווּ דאָס בראַנדאָפּפער ווערט געשאָכטן, זאָל געשאָכטן ווערן דאָס זינדאָפּפער פאַר גאָט; אַ הייליקסטע הייליקייט איז דאָס. 19 דער כהן וואָס ברענגט עס אויף פאַר אַ זינדאָפּפער זאָל עס עסן; אין אַ הייליקן אָרט זאָל עס געגעסן ווערן, אין הויף פון אוהל־מועד. 20 אַלץ וואָס וועט זיך אָנרירן אָן זיין פלייש, זאָל ווערן הייליק; און אויב עס וועט אַרויפשפּריצן פון זיין בלוט אויף אַ בגד, זאָלסטו דאָס אויף וואָס עס וועט אַרויפשפּריצן, וואַשן אין אַ הייליקן אָרט. 21 און די ליימענע כלי וואָס עס ווערט געקאָכט ווערן דערין, זאָל צעבראָכן ווערן; און אויב עס ווערט געקאָכט אין אַ קופּערנע כלי, זאָל זי אויסגעשייערט ווערן, און אויסגעשווענקט ווערן מיט וואַסער. 22 יעטוועדער מאַנספאַרשוין צווישן די כהנים מעג דאָס עסן; אַ הייליקסטע הייליקייט איז דאָס. 23 אָבער קיין זינדאָפּפער, וואָס פון זיין בלוט ווערט געבראַכט אין אוהל־מועד כדי מכפר צו זיין אין הייליקטום, זאָל ניט געגעסן ווערן; אין פייער זאָל עס פאַר־ברענט ווערן.

ז 1 און דאָס איז דער דין פון דעם שולדאָפּפער: אַ הייליקסטע הייליקייט איז דאָס. 2 אין דעם אָרט וווּ מע שעכט דאָס בראַנדאָפּפער, זאָל מען שעכטן דאָס שולדאָפּפער; און זיין בלוט זאָל מען שפּרענגען אויפן מזבח רונד אַרום. 3 און דאָס גאַנצע פעטס זיינס זאָל מען מקריב זיין פון אים, דעם

ווײדל, און דאָס פעטס וואָס דעקט צו די אינגעווייד, 4 און בײדע נירן, און דאָס פעטס וואָס אויף זיי, וואָס בײ די פלאַנקען, און דאָס רויטפלייש איבערן לעבער–בײ די נירן זאָל מען עס אַראָפּנעמען. 5 און דער כּהן זאָל עס דעמפּן אויפן מזבח, אַ פייעראָפּפער צו גאָט; אַ שולדאָפּפער איז דאָס. 6 יעטוועדער מאַנספּאַרשוין צווישן די כּהנים מעג עס עסן; אין אַ הייליקן אָרט זאָל עס געגעסן ווערן; אַ הייליקסטע הייליקייט איז דאָס. 7 ווי דאָס זינדאָפּפער אַזוי דאָס שולדאָפּפער, איין דין פאַר זיי; דער כּהן וואָס איז דערמיט מכפּר, צו אים זאָל עס געהערן. 8 און דער כּהן וואָס איז מקריב עמיצנס אַ בראַנדאָפּפער, זאָל דאָס פעל פון דעם בראַנדאָפּפער וואָס ער האָט מקריב געווען, געהערן צו אים, צום כּהן. 9 און איטלעך שפּייזאָפּפער וואָס ווערט געבאַקן אין אויוון, און איטלעכס וואָס ווערט געמאַכט אין אַ בראָטפּאַן, אָדער אויף אַ באַקפּאַן, זאָל געהערן צו אים, צו דעם כּהן וואָס איז דאָס מקריב. 10 און איטלעך שפּייזאָפּפער פאַרמישט מיט אייל, אָדער טרוקן, זאָל געהערן צו אַלע קינדער פון אַהרן, צו איינעם אַזוי ווי צום אַנדערן.

11 און דאָס איז דער דין פון דעם פרידאָפּפער וואָס עמיצער ברענגט צו גאָט: 12 אויב ער ברענגט עס פאַר אַ דאַנקגעבונג, זאָל ער ברענגען מיט דעם דאַנקאָפּפער אומגעזייערטע חלות פאַרמישט מיט אייל, און אומגע־זייערטע קוכנס באַשמירט מיט אייל, און זעמלמעל גוט דורכגעשלאָגן, חלות פאַרמישט מיט אייל. 13 אין איינעם מיט חלות פון געזייערטן ברויט זאָל ער ברענגען זיין אָפּפערגאָב בײ זיין פרידאָפּפער פון דאַנק. 14 און ער זאָל דערפון ברענגען איינס פון איטלעכער אָפּפערגאָב אַן אָפּשיידונג צו גאָט; צו דעם כּהן וואָס שפּרענגט דאָס בלוט פון דעם פרידאָפּפער, צו אים זאָל עס געהערן. 15 און דאָס פלייש פון זיין פרידאָפּפער פון דאַנק מוז געגעסן ווערן אין דעם טאָג פון זיין קרבן; ער זאָל ניט איבערלאָזן דערפון ביז אין דער פרי. 16 אויב אָבער דאָס שלאַכטאָפּפער פון זיין קרבן איז אַ נדר, אָדער אַ פרייוויליקע גאָב, זאָל עס געגעסן ווערן אין דעם טאָג וואָס ער איז מקריב זיין שלאַכטאָפּפער; און אויך אויף מאָרגן מעג וואָס בלייבט דערפון געגעסן ווערן. 17 אָבער וואָס בלייבט פון דעם פלייש פון דעם שלאַכטאָפּפער אויפן דריטן טאָג זאָל אין פייער פאַרברענט ווערן. 18 און אויב געגעסן וועט גע־געסן ווערן פון דעם פלייש פון זיין פרידאָפּפער אויפן דריטן טאָג, וועט עס ניט באַווייליקט ווערן; עס וועט ניט גערעכנט ווערן דעם וואָס איז דאָס מקריב; אַן אומווערדיקייט וועט עס זיין, און דער מענטש וואָס עסט דערפון וועט טראָגן זיין זינד. 19 און דאָס פלייש וואָס וועט זיך אָנרירן אָן עפּעס אומריינס, זאָל ניט געגעסן ווערן; אין פייער זאָל עס פאַרברענט ווערן. אָבער אַזוי דאָס פלייש–מעג איטלעכער וואָס איז ריין, עסן דאָס פלייש. 20 און דער מענטש וואָס וועט עסן פלייש פון אַ פרידאָפּפער וואָס צו גאָט, מיט זיין אומריינקייט אויף אים, יענע זעל זאָל פאַרשניטן ווערן פון איר פאָלק. 21 און אַז עמיצער וועט זיך אָנרירן אָן עפּעס אומריינס, אָן דער אומריינקייט פון אַ מענטשן, אָדער אָן אַן אומריינער בהמה,

ד הָאַלְיָה וְאֶת־הַחֵלֶב הַמְכַסֶּה אֶת־הַקֶּרֶב׃ וְאֵת שְׁתֵּי
הַכְּלָיֹת וְאֶת־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עֲלֵיהֶן אֲשֶׁר עַל־הַכְּסָלִים וְאֶת־
ה הַיֹּתֶרֶת עַל־הַכָּבֵד עַל־הַכְּלָיֹת יְסִירֶנָּה׃ וְהִקְטִיר אֹתָם
ו הַכֹּהֵן הַמִּזְבֵּחָה אִשֶּׁה לַיהוָה אָשָׁם הוּא׃ כָּל־זָכָר
בַּכֹּהֲנִים יֹאכְלֶנּוּ בְּמָקוֹם קָדוֹשׁ יֵאָכֵל קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הוּא׃
ז כַּחַטָּאת כָּאָשָׁם תּוֹרָה אַחַת לָהֶם הַכֹּהֵן אֲשֶׁר יְכַפֶּר־בּוֹ
ח לוֹ יִהְיֶה׃ וְהַכֹּהֵן הַמַּקְרִיב אֶת־עֹלַת אִישׁ עוֹר הָעֹלָה אֲשֶׁר
ט הִקְרִיב לַכֹּהֵן לוֹ יִהְיֶה׃ וְכָל־מִנְחָה אֲשֶׁר תֵּאָפֶה בַּתַּנּוּר
וְכָל־נַעֲשָׂה בַמַּרְחֶשֶׁת וְעַל־מַחֲבַת לַכֹּהֵן הַמַּקְרִיב אֹתָהּ
י לוֹ תִהְיֶה׃ וְכָל־מִנְחָה בְלוּלָה־בַשֶּׁמֶן וַחֲרֵבָה לְכָל־בְּנֵי
אַהֲרֹן תִּהְיֶה אִישׁ כְּאָחִיו׃ פ
של׳ וְזֹאת תּוֹרַת זֶבַח הַשְּׁלָמִים אֲשֶׁר יַקְרִיב לַיהוָה׃ אִם עַל־
יב תּוֹדָה יַקְרִיבֶנּוּ וְהִקְרִיב ׀ עַל־זֶבַח הַתּוֹדָה חַלּוֹת מַצּוֹת
בְּלוּלֹת בַּשֶּׁמֶן וּרְקִיקֵי מַצּוֹת מְשֻׁחִים בַּשָּׁמֶן וְסֹלֶת מֻרְבֶּכֶת
יג חַלֹּת בְּלוּלֹת בַּשָּׁמֶן׃ עַל־חַלֹּת לֶחֶם חָמֵץ יַקְרִיב קָרְבָּנוֹ
יד עַל־זֶבַח תּוֹדַת שְׁלָמָיו׃ וְהִקְרִיב מִמֶּנּוּ אֶחָד מִכָּל־קָרְבָּן
תְּרוּמָה לַיהוָה לַכֹּהֵן הַזֹּרֵק אֶת־דַּם הַשְּׁלָמִים לוֹ יִהְיֶה׃
טו וּבְשַׂר זֶבַח תּוֹדַת שְׁלָמָיו בְּיוֹם קָרְבָּנוֹ יֵאָכֵל לֹא־יַנִּיחַ
טז מִמֶּנּוּ עַד־בֹּקֶר׃ וְאִם־נֶדֶר ׀ אוֹ נְדָבָה זֶבַח קָרְבָּנוֹ בְּיוֹם
הַקְרִיבוֹ אֶת־זִבְחוֹ יֵאָכֵל וּמִמָּחֳרָת וְהַנּוֹתָר מִמֶּנּוּ יֵאָכֵל׃
יז וְהַנּוֹתָר מִבְּשַׂר הַזָּבַח בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי בָּאֵשׁ יִשָּׂרֵף׃ וְאִם
יח הֵאָכֹל יֵאָכֵל מִבְּשַׂר־זֶבַח שְׁלָמָיו בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי לֹא
יֵרָצֶה הַמַּקְרִיב אֹתוֹ לֹא יֵחָשֵׁב לוֹ פִּגּוּל יִהְיֶה וְהַנֶּפֶשׁ
יט הָאֹכֶלֶת מִמֶּנּוּ עֲוֺנָהּ תִּשָּׂא׃ וְהַבָּשָׂר אֲשֶׁר יִגַּע בְּכָל־טָמֵא
לֹא יֵאָכֵל בָּאֵשׁ יִשָּׂרֵף וְהַבָּשָׂר כָּל־טָהוֹר יֹאכַל בָּשָׂר׃
כ וְהַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־תֹּאכַל בָּשָׂר מִזֶּבַח הַשְּׁלָמִים אֲשֶׁר לַיהוָה
כא וְטֻמְאָתוֹ עָלָיו וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מֵעַמֶּיהָ׃ וְנֶפֶשׁ כִּי־
תִגַּע בְּכָל־טָמֵא בְּטֻמְאַת אָדָם אוֹ ׀ בִּבְהֵמָה טְמֵאָה אוֹ

בְּכָל־שֶׁקֶץ טָמֵא וְאָכַל מִבְּשַׂר־זֶבַח הַשְּׁלָמִים אֲשֶׁר לַיהוָה
וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מֵעַמֶּיהָ׃ וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה כב
לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר כָּל־חֵלֶב שׁוֹר וְכֶשֶׂב כג
וָעֵז לֹא תֹאכֵלוּ׃ וְחֵלֶב נְבֵלָה וְחֵלֶב טְרֵפָה יֵעָשֶׂה לְכָל־ כד
מְלָאכָה וְאָכֹל לֹא תֹאכְלֻהוּ׃ כִּי כָּל־אֹכֵל חֵלֶב מִן־ כה
הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר יַקְרִיב מִמֶּנָּה אִשֶּׁה לַיהוָה וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ
הָאֹכֶלֶת מֵעַמֶּיהָ׃ וְכָל־דָּם לֹא תֹאכְלוּ בְּכֹל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם כו
לָעוֹף וְלַבְּהֵמָה׃ כָּל־נֶפֶשׁ אֲשֶׁר־תֹּאכַל כָּל־דָּם וְנִכְרְתָה כז
הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מֵעַמֶּיהָ׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כח כט
לֵאמֹר הַמַּקְרִיב אֶת־זֶבַח שְׁלָמָיו לַיהוָה יָבִיא אֶת־קָרְבָּנוֹ
לַיהוָה מִזֶּבַח שְׁלָמָיו׃ יָדָיו תְּבִיאֶינָה אֵת אִשֵּׁי יְהוָה אֶת־ ל
הַחֵלֶב עַל־הֶחָזֶה יְבִיאֶנּוּ אֵת הֶחָזֶה לְהָנִיף אֹתוֹ תְּנוּפָה
לִפְנֵי יְהוָה׃ וְהִקְטִיר הַכֹּהֵן אֶת־הַחֵלֶב הַמִּזְבֵּחָה וְהָיָה לא
הֶחָזֶה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו׃ וְאֵת שׁוֹק הַיָּמִין תִּתְּנוּ תְרוּמָה לב
לַכֹּהֵן מִזִּבְחֵי שַׁלְמֵיכֶם׃ הַמַּקְרִיב אֶת־דַּם הַשְּׁלָמִים וְאֶת־ לג
הַחֵלֶב מִבְּנֵי אַהֲרֹן לוֹ תִהְיֶה שׁוֹק הַיָּמִין לְמָנָה׃ כִּי לד
אֶת־חֲזֵה הַתְּנוּפָה וְאֵת ׀ שׁוֹק הַתְּרוּמָה לָקַחְתִּי מֵאֵת
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מִזִּבְחֵי שַׁלְמֵיהֶם וָאֶתֵּן אֹתָם לְאַהֲרֹן הַכֹּהֵן
וּלְבָנָיו לְחָק־עוֹלָם מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ זֹאת מִשְׁחַת אַהֲרֹן לה
וּמִשְׁחַת בָּנָיו מֵאִשֵּׁי יְהוָה בְּיוֹם הִקְרִיב אֹתָם לְכַהֵן
לַיהוָה׃ אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה לָתֵת לָהֶם בְּיוֹם מָשְׁחוֹ אֹתָם לו
מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתָם׃ זֹאת הַתּוֹרָה לז
לָעֹלָה לַמִּנְחָה וְלַחַטָּאת וְלָאָשָׁם וְלַמִּלּוּאִים וּלְזֶבַח
הַשְּׁלָמִים׃ אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה בְּהַר סִינָי בְּיוֹם לח
צַוֹּתוֹ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְהַקְרִיב אֶת־קָרְבְּנֵיהֶם לַיהוָה
בְּמִדְבַּר סִינָי׃ פ

אָדער אָן וואָסער עס איז אומרײנעם שרץ, און ער וועט עסן פֿון דעם פֿלייש פֿון אַ פֿרידאָפּפֿער וואָס צו גאָט, זאָל יענע זעל פֿאַרשניטן ווערן פֿון איר פֿאָלק.

22 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:
23 רעד צו די קינדער פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן:

קיין חֵלֶב פֿון אַן אָקס, אָדער אַ שעפּס, אָדער אַ ציג, זאָלט איר ניט עסן. 24 און חֵלֶב פֿון אַ געפֿאַלענער, און חֵלֶב פֿון אַ פֿאַרצוקטער, מעג פֿאַרטאָן ווערן אויף אַלערליי אַרבעט; אָבער עסן זאָלט איר עס ניט עסן. 25 וואָרום איטלעכער וואָס עסט חֵלֶב פֿון אַ בהמה וואָס מע איז מקריב פֿון איר אַ פֿײַעראָפּפֿער צו גאָט, זאָל דער מענטש וואָס עסט עס, פֿאַרשניטן ווערן פֿון זײַן פֿאָלק. 26 און קיין בלוט זאָלט איר ניט עסן אין אַלע אײַערע וווינ־ערטער, סיי פֿון אַן עוֹף, סיי פֿון אַ בהמה. 27 איטלעכער מענטש וואָס וועט עסן וואָסער עס איז בלוט, יענע זעל זאָל פֿאַרשניטן ווערן פֿון איר פֿאָלק.

28 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:
29 רעד צו די קינדער פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן:

דער וואָס איז מקריב זײַן פֿרידאָפּפֿער צו גאָט, ער זאָל ברענגען זײַן קרבן צו גאָט פֿון זײַן פֿרידאָפּפֿער. 30 זײַנע הענט זאָלן ברענגען די פֿײַעראָפּפֿער פֿון גאָט; דאָס פֿעטס מיט דער ברוסט זאָל ער ברענגען; די ברוסט, כּדי זי אויפֿצוהייבן אַן אויפֿהייבונג צו גאָט. 31 און דער כּהן זאָל דעמפֿן דאָס פֿעטס אויפֿן מזבח, און די ברוסט זאָל געהערן צו אַהרנען און צו זײַנע קינדער. 32 און דעם רעכטן שענקל זאָלט איר געבן אַן אָפּשיידונג צום כּהן פֿון אײַערע פֿרידאָפּפֿער. 33 דער פֿון די קינדער פֿון אַהרן וואָס איז מקריב דאָס בלוט פֿון דעם פֿרידאָפּפֿער און דאָס פֿעטס, צו אים זאָל געהערן דער רעכטער שענקל פֿאַר אַ חלק. 34 וואָרום די ברוסט פֿון אויפֿהייבונג און דעם שענקל פֿון אָפּשיידונג האָב איך גענומען פֿון די קינדער פֿון ישׂראל, פֿון זייערע פֿרידאָפּפֿער, און האָב זיי געגעבן צו אַהרן דעם כּהן און צו זײַנע קינדער, פֿאַר אַן אײביקן רעכט, פֿון די קינדער פֿון ישׂראל.

35 דאָס איז דער טייל פֿון אַהרנען, און דער טייל פֿון זײַנע קינדער, פֿון די פֿײַעראָפּפֿער פֿון גאָט, אין דעם טאָג וואָס מע האָט זיי געמאַכט גענענען צו זײַן כּהנים צו גאָט; 36 וואָס גאָט האָט באַפֿוילן זיי צו געבן פֿון די קינדער פֿון ישׂראל, אין דעם טאָג וואָס מע האָט זיי געזאַלבט; אַן אײביק רעכט אויף זייערע דור־דורות.

37 דאָס איז דער דין פֿאַרן בראַנדאָפּפֿער, פֿאַרן שפּײַזאָפּפֿער, און פֿאַרן זינדאָפּפֿער, און פֿאַרן שולדאָפּפֿער, און פֿאַרן קרבן פֿון דערפֿילונג[א], און פֿאַרן פֿרידאָפּפֿער; 38 וואָס גאָט האָט באַפֿוילן משהן אויפֿן באַרג סיני, אין דעם טאָג וואָס ער האָט באַפֿוילן די קינדער פֿון ישׂראל מקריב צו זײַן זייערע קרבנות צו גאָט, אין מדבר סיני.

[א] ד. ה. אײַנווייאונג, זע שמות כט.

ח

רב ויְדבר יהוה אל־משה לאמר׃ קח את־אהרן ואת־בניו
ב אתו ואת הבגדים ואת שמן המשחה ואת ׀ פר החטאת
ג ואת שני האילים ואת סל המצות׃ ואת כל־העדה
ד הקהל אל־פתח אהל מועד׃ ויעש משה כאשר צוה
ה יהוה אתו ותקהל העדה אל־פתח אהל מועד׃ ויאמר
משה אל־העדה זה הדבר אשר־צוה יהוה לעשות׃
ו ויקרב משה את־אהרן ואת־בניו וירחץ אתם במים׃
ז ויתן עליו את־הכתנת ויחגר אתו באבנט וילבש אתו
את־המעיל ויתן עליו את־האפד ויחגר אתו בחשב
ח האפד ויאפד לו בו׃ וישם עליו את־החשן ויתן אל־
ט החשן את־האורים ואת־התמים׃ וישם את־המצנפת על־
ראשו וישם על־המצנפת אל־מול פניו את ציץ הזהב
י נזר הקדש כאשר צוה יהוה את־משה׃ ויקח משה
את־שמן המשחה וימשח את־המשכן ואת־כל־אשר־בו
יא ויקדש אתם׃ ויז ממנו על־המזבח שבע פעמים וימשח
את־המזבח ואת־כל־כליו ואת־הכיר ואת־כנו לקדשם׃
יב ויצק משמן המשחה על ראש אהרן וימשח אתו
יג לקדשו׃ ויקרב משה את־בני אהרן וילבשם כתנת
ויחגר אתם אבנט ויחבש להם מגבעות כאשר צוה
חמ׳ יהוה את־משה׃ ויגש את פר החטאת ויסמך אהרן
טו ובניו את־ידיהם על־ראש פר החטאת׃ וישחט ויקח
משה את־הדם ויתן על־קרנות המזבח סביב באצבעו
ויחטא את־המזבח ואת־הדם יצק אל־יסוד המזבח
טז ויקדשהו לכפר עליו׃ ויקח את־כל־החלב אשר על־
הקרב ואת יתרת הכבד ואת־שתי הכלית ואת־חלבהן
יז ויקטר משה המזבחה׃ ואת־הפר ואת־ערו ואת־בשרו

ת׳ חצי התורה בפסוקים טו׳ קמץ ברביע

ח [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] נעם אַהרנען און זיינע זין מיט אים, און די קליידער, און דאָס איל פון זאַלבונג, און דעם אָקס פון זינדאָפּפער, און די צווי ווידערס, און דעם קאָרב אומ־געזייערטן ברויט; [3] און די גאַנצע עדה זאַמל איין צום איינגאַנג פון אוהל־מועד.

[4] האָט משה געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן; און די עדה האָט זיך איינגעזאַמלט צום איינגאַנג פון אוהל־מועד. [5] און משה האָט געזאָגט צו דער עדה: דאָס איז די זאַך וואָס גאָט האָט באַפוילן צו טאָן. [6] און משה האָט געמאַכט גענענען אַהרנען און זיינע זין, און ער האָט זיי געוואַשן מיט וואַסער. [7] און ער האָט אַרויפגעטאָן אויף אים דאָס העמדל, און אים אַרומגעגורט מיטן גאַרטל, און אים אָנגעקליידט דעם מאַנטל, און אַרויפגעטאָן אויף אים דעם אֵפוד, און אים אַרומגעגורט מיט דעם אַרומבאַנד פון אֵפוד, און אים אָנגעבונדן דעם אֵפוד דערמיט. [8] און ער האָט אָנגעטאָן אויף אים דעם חושן, און אַרויפגעטאָן אויפן חושן די אורים־ותומים. [9] און ער האָט אים אָנגע־טאָן די הויב אויפן קאָפּ, און אַרויפגעטאָן אויף דער הויב, אויף דער פאָדערזייט, דאָס גילדערנע שטערנבלעך, די הייליקע קרוין, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן. [10] און משה האָט גענומען דאָס איל פון זאַלבונג, און האָט געזאַלבט דעם מִשכּן און אַלץ וואָס אין אים, און האָט זיי געהייליקט. [11] און ער האָט געשפּריצט דערפון אויפן מזבח זיבן מאָל; און ער האָט געזאַלבט דעם מזבח, און אַלע זיינע כלים, און דעם האַנטפאַס און זיין געשטעל, זיי צו הייליקן. [12] און ער האָט אַרויפגעגאָסן פון דעם איל פון זאַלבונג אויף אַהרנס קאָפּ, און האָט אים געזאַלבט, אים צו הייליקן. [13] און משה האָט געמאַכט גע־נענען אַהרנס זין, און האָט זיי אָנגעטאָן העמדלעך, און זיי אָנגעגורט גאַרטלען, און זיי אָנגעבונדן היטלען, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן. [14] און ער האָט געמאַכט גענענען דעם אָקס פון זינדאָפּפער, און אַהרן און זיינע זין האָבן אָנגעלענט זייערע הענט אויפן קאָפּ פון דעם אָקס פון זינדאָפּפער. [15] און מע האָט אים געשאָכטן; און משה האָט גענומען דאָס בלוט, און האָט אַרויפגעטאָן מיט זיין פינגער אויף די הערנער פון מזבח רונד אַרום, און גערייניקט דעם מזבח, און דאָס [איבעריקע] בלוט האָט ער אויסגעגאָסן אָן גרונט פון מזבח, און אים געהייליקט, כּדי מכפּר צו זיין אויף אים. [16] און ער האָט גענומען דאָס גאַנצע פעטס וואָס אויף די אינגעווייד, און דאָס רויטפליישׁ פון לע־בער, און ביידע נירן און זייער פעטס, און משה האָט עס געדעמפּט אויפן מזבח. [17] און דעם אָקס מיט זיין פעל, און זיין

וְאֶת־פִּרְשׁוֹ שָׂרַף בָּאֵשׁ מִחוּץ לַמַּחֲנֶה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה
יח אֶת־מֹשֶׁה׃ וַיַּקְרֵב אֵת אֵיל הָעֹלָה וַיִּסְמְכוּ אַהֲרֹן וּבָנָיו
יט אֶת־יְדֵיהֶם עַל־רֹאשׁ הָאָיִל׃ וַיִּשְׁחָט וַיִּזְרֹק מֹשֶׁה אֶת־
כ הַדָּם עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃ וְאֶת־הָאַיִל נִתַּח לִנְתָחָיו וַיַּקְטֵר
כא מֹשֶׁה אֶת־הָרֹאשׁ וְאֶת־הַנְּתָחִים וְאֶת־הַפָּדֶר׃ וְאֶת־הַקֶּרֶב
וְאֶת־הַכְּרָעַיִם רָחַץ בַּמָּיִם וַיַּקְטֵר מֹשֶׁה אֶת־כָּל־הָאַיִל
הַמִּזְבֵּחָה עֹלָה הוּא לְרֵיחַ־נִיחֹחַ אִשֶּׁה הוּא לַיהוָה
ששי כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וַיַּקְרֵב אֶת־הָאַיִל הַשֵּׁנִי
אֵיל הַמִּלֻּאִים וַיִּסְמְכוּ אַהֲרֹן וּבָנָיו אֶת־יְדֵיהֶם עַל־רֹאשׁ
כג הָאָיִל׃ וַיִּשְׁחָט ׀ וַיִּקַּח מֹשֶׁה מִדָּמוֹ וַיִּתֵּן עַל־תְּנוּךְ אֹזֶן
אַהֲרֹן הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן יָדוֹ הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן רַגְלוֹ
כד הַיְמָנִית׃ וַיַּקְרֵב אֶת־בְּנֵי אַהֲרֹן וַיִּתֵּן מֹשֶׁה מִן־הַדָּם עַל־
תְּנוּךְ אָזְנָם הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן יָדָם הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן רַגְלָם
כה הַיְמָנִית וַיִּזְרֹק מֹשֶׁה אֶת־הַדָּם עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃ וַיִּקַּח
אֶת־הַחֵלֶב וְאֶת־הָאַלְיָה וְאֶת־כָּל־הַחֵלֶב אֲשֶׁר עַל־הַקֶּרֶב
וְאֵת יֹתֶרֶת הַכָּבֵד וְאֶת־שְׁתֵּי הַכְּלָיֹת וְאֶת־חֶלְבְּהֶן וְאֵת
כו שׁוֹק הַיָּמִין׃ וּמִסַּל הַמַּצּוֹת אֲשֶׁר ׀ לִפְנֵי יְהוָה לָקַח חַלַּת
מַצָּה אַחַת וְחַלַּת לֶחֶם שֶׁמֶן אַחַת וְרָקִיק אֶחָד וַיָּשֶׂם
כז עַל־הַחֲלָבִים וְעַל שׁוֹק הַיָּמִין׃ וַיִּתֵּן אֶת־הַכֹּל עַל כַּפֵּי
כח אַהֲרֹן וְעַל כַּפֵּי בָנָיו וַיָּנֶף אֹתָם תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיִּקַּח
מֹשֶׁה אֹתָם מֵעַל כַּפֵּיהֶם וַיַּקְטֵר הַמִּזְבֵּחָה עַל־הָעֹלָה
כט מִלֻּאִים הֵם לְרֵיחַ נִיחֹחַ אִשֶּׁה הוּא לַיהוָה׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה
אֶת־הֶחָזֶה וַיְנִיפֵהוּ תְנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה מֵאֵיל הַמִּלֻּאִים
שב' לְמֹשֶׁה הָיָה לְמָנָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וַיִּקַּח
מֹשֶׁה מִשֶּׁמֶן הַמִּשְׁחָה וּמִן־הַדָּם אֲשֶׁר עַל־הַמִּזְבֵּחַ וַיַּז עַל־
אַהֲרֹן עַל־בְּגָדָיו וְעַל־בָּנָיו וְעַל־בִּגְדֵי בָנָיו אִתּוֹ וַיְקַדֵּשׁ
אֶת־אַהֲרֹן אֶת־בְּגָדָיו וְאֶת־בָּנָיו וְאֶת־בִּגְדֵי בָנָיו אִתּוֹ׃

כג' ח קמוצה

פלייש, און זיין מיסט, האָט מען פאַרברענט אין פייער אויסן לאַגער, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן. [18] און ער האָט געמאַכט גענענען דעם ווידער פון בראַנדאָפּפער, און אַהרן און זיינע זין האָבן אָנגעלענט זייערע הענט אויפן קאָפּ פון דעם ווידער. [19] און מע האָט אים געשאָכטן, און משה האָט געשפּרענגט דאָס בלוט אויפן מזבח רונד אַרום. [20] און דעם ווידער האָט מען צעשניטן אויף זיינע שטיקער, און משה האָט גערעמפּט דעם קאָפּ און די שטיקער און דאָס פעטס. [21] און די אינגעווייד און די קני האָט מען אָפּגעשווענקט מיט וואַסער, און משה האָט גערעמפּט דעם גאַנצן ווידער אויפן מזבח; אַ בראַנדאָפּפער איז דאָס געווען, פאַר אַ געשמאַקן ריח, אַ פייעראָפּפער איז דאָס געווען צו גאָט, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן. [22] און ער האָט געמאַכט גענענען דעם צווייטן ווידער, דעם ווידער פון דערפילונג, און אַהרן און זיינע זין האָבן אָנגעלענט זייערע הענט אויפן קאָפּ פון דעם ווידער. [23] און מע האָט אים געשאָכטן, און משה האָט גענומען פון זיין בלוט, און אַרויפגעטאָן אויף אַהרנס רעכטן אויערלעפּל, און אויפן דוימען פון זיין רעכטער האַנט, און אויפן דוימען פון זיין רעכטן פוס. [24] און מע האָט געמאַכט גענענען אַהרנס זין, און משה האָט אַרויפגעטאָן פון דעם בלוט אויף זייער רעכטן אויערלעפּל, און אויפן דוימען פון זייער רעכטער האַנט, און אויפן דוימען פון זייער רעכטן פוס; און משה האָט געשפּרענגט דאָס בלוט אויפן מזבח רונד אַרום. [25] און ער האָט גענומען דאָס פעטס, און דעם ווידל, און דאָס גאַנצע פעטס וואָס אויף די אינגעווייד, און דאָס רויטפלייש פון לעבער, און ביידע נירן און זייער פעטס, און דעם רעכטן שענקל. [26] און פון דעם קאָרב אומגעזייערטן ברויט וואָס פאַר גאָט, האָט ער גענומען איין אומגעזייערטע חלה, און איין חלה ברויט אויף אייל, און איין קוכן, און האָט אַרויפגעטאָן אויפן פעטס, און אויפן רעכטן שענקל. [27] און ער האָט אַרויפגעלייגט אַלצדינג אויף די הענט פון אַהרנען, און אויף די הענט פון זיינע זין, און האָט זיי אויפגעהויבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט. [28] און משה האָט עס צוגענומען פון זייערע הענט, און גערעמפּט אויפן מזבח איבערן בראַנדאָפּפער; אַ דערפילונג זיינען זיי געווען, פאַר אַ געשמאַקן ריח; אַ פייעראָפּפער איז דאָס געווען צו גאָט. [29] און משה האָט גענומען די ברוסט, און האָט זי אויפגעהויבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט; דאָס איז געווען משהן צום חלק פון דעם ווידער פון דערפילונג, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן. [30] און משה האָט גענומען פון דעם אייל פון זאַלבונג, און פון דעם בלוט וואָס אויפן מזבח, און האָט געשפּריצט אויף אַהרנען, אויף זיינע קליידער, און אויף זיינע זין און אויף זיינע זינס קליידער מיט אים, און געהייליקט אַהרנען, זיינע קליידער, און זיינע זין און זיינע זינס קליידער מיט אים.

[31] און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען און צו זיינע זין: קאָכט דאָס פלייש ביים איינגאַנג פון אוהל־מועד, און דאָרטן זאָלט איר עס עסן, מיט דעם ברויט וואָס אין דעם קאָרב פון דערפילונג, לויט ווי איך האָב באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: אַהרן און זיינע זין זאָלן עס עסן. [32] און וואָס בלייבט פון דעם פלייש און פון דעם ברויט, זאָלט איר אין פייער פאַרברענען. [33] און פון דעם איינגאַנג פון אוהל־מועד זאָלט איר ניט אַרויסגיין זיבן טעג, ביז דעם טאָג וואָס די טעג פון אייער דערפילונג ווערן פול; וואָרום זיבן טעג וועט מען דערפילן אייער האַנט. [34] אַזוי ווי מע האָט געטאָן היינטיקן טאָג, האָט גאָט באַפוילן צו טאָן, כדי מכפר צו זיין אויף אייך. [35] און אין דעם איינגאַנג פון אוהל־מועד זאָלט איר בלייבן טאָג און נאַכט זיבן טעג, און היטן די היטונג פון גאָט, כדי איר זאָלט ניט שטאַרבן; וואָרום אַזוי בין איך באַפוילן געוואָרן.

[36] און אַהרן און זיינע זין האָבן געטאָן אַלע זאַכן וואָס גאָט האָט באַפוילן דורך משהן.

לא וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־בָּנָיו בַּשְּׁלוּ אֶת־הַבָּשָׂר פֶּתַח
אֹהֶל מוֹעֵד וְשָׁם תֹּאכְלוּ אֹתוֹ וְאֶת־הַלֶּחֶם אֲשֶׁר בְּסַל
לב הַמִּלֻּאִים כַּאֲשֶׁר צִוֵּיתִי לֵאמֹר אַהֲרֹן וּבָנָיו יֹאכְלֻהוּ: וְהַנּוֹתָר
מפ׳ בַּבָּשָׂר וּבַלָּחֶם בָּאֵשׁ תִּשְׂרֹפוּ: וּמִפֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד לֹא
תֵצְאוּ שִׁבְעַת יָמִים עַד יוֹם מְלֹאת יְמֵי מִלֻּאֵיכֶם כִּי שִׁבְעַת
לד יָמִים יְמַלֵּא אֶת־יֶדְכֶם: כַּאֲשֶׁר עָשָׂה בַּיּוֹם הַזֶּה צִוָּה יְהוָה
לה לַעֲשֹׂת לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם: וּפֶתַח אֹהֶל מוֹעֵד תֵּשְׁבוּ יוֹמָם
וָלַיְלָה שִׁבְעַת יָמִים וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־מִשְׁמֶרֶת יְהוָה וְלֹא
לו תָמוּתוּ כִּי־כֵן צֻוֵּיתִי: וַיַּעַשׂ אַהֲרֹן וּבָנָיו אֵת כָּל־הַדְּבָרִים
אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה: ס

# שְׁמִינִי

## ט

ט [1] און עס איז געווען אויפן אַכטן טאָג, האָט משה גערופן אַהרנען, און זיינע זין, און די עלטסטע פון ישׂראל. [2] און ער האָט געזאָגט צו אַהרנען: נעם דיר אַ קאַלב, אַ יונג רינד, פאַר אַ זינדאָפּפער, און אַ ווידער פאַר אַ בראַנדאָפּפער, אָן אַ פעלער, און זיי מקריב פאַר גאָט. [3] און צו די קינדער פון ישׂראל זאָלסטו רעדן, אַזוי צו זאָגן: נעמט אַ ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפער; און אַ קאַלב און אַ שעפּס, יאָריקע אָן אַ פעלער, פאַר בראַנד־אָפּפער; [4] און אַן אָקס און אַ ווידער פאַר פרידאָפּפער, צו שלאַכטן פאַר גאָט; און אַ שפּייזאָפּפער פאַרמישט מיט אייל; וואָרום היינט טוט זיך גאָט באַווייזן צו אייך.

[5] האָבן זיי געבראַכט וואָס משה האָט באַפוילן פאַרן אוהל־מועד, און די גאַנצע עדה האָט גענענט, און זיך גע־שטעלט פאַר גאָט. [6] און משה האָט געזאָגט: דאָס איז די זאַך וואָס גאָט האָט באַפוילן איר זאָלט טאָן, כדי די פּראַכט פון גאָט זאָל זיך באַווייזן צו אייך. [7] און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען: גענען צום מזבח, און מאַך דיין זינדאָפּפער און דיין בראַנדאָפּפער, און זיי מכפר אויף זיך און אויפן פאָלק; און מאַך דעם קרבן פון פאָלק, און זיי מכפר אויף זיי, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן.

[8] האָט אַהרן גענענט צום מזבח, און האָט געשאָכטן דאָס קאַלב פון זינדאָפּפער וואָס פאַר אים.

[9] און די זין פון אַהרנען האָבן גענענט צו אים דאָס בלוט, און ער האָט איינגעטונקט זיין פינגער אין דעם בלוט, און אַרויפגעטאָן אויף די הערנער פון מזבח, און דאָס [איבעריקע] בלוט האָט ער אויסגעגאָסן אָן גרונט פון מזבח. [10] און דאָס פעטס, און די נירן, און דאָס רויטפלייש פון לעבער, פון דעם זינדאָפּפער,

ט

א וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי קָרָא מֹשֶׁה לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו וּלְזִקְנֵי
ב יִשְׂרָאֵל: וַיֹּאמֶר אֶל־אַהֲרֹן קַח־לְךָ עֵגֶל בֶּן־בָּקָר לְחַטָּאת
ג וְאַיִל לְעֹלָה תְּמִימִם וְהַקְרֵב לִפְנֵי יְהוָה: וְאֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
תְּדַבֵּר לֵאמֹר קְחוּ שְׂעִיר־עִזִּים לְחַטָּאת וְעֵגֶל וָכֶבֶשׂ בְּנֵי־
ד שָׁנָה תְּמִימִם לְעֹלָה: וְשׁוֹר וָאַיִל לִשְׁלָמִים לִזְבֹּחַ לִפְנֵי
יְהוָה וּמִנְחָה בְּלוּלָה בַשָּׁמֶן כִּי הַיּוֹם יְהוָה נִרְאָה
ה אֲלֵיכֶם: וַיִּקְחוּ אֵת אֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה אֶל־פְּנֵי אֹהֶל מוֹעֵד
ו וַיִּקְרְבוּ כָּל־הָעֵדָה וַיַּעַמְדוּ לִפְנֵי יְהוָה: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה
זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה תַּעֲשׂוּ וְיֵרָא אֲלֵיכֶם כְּבוֹד
ז יְהוָה: וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן קְרַב אֶל־הַמִּזְבֵּחַ וַעֲשֵׂה
אֶת־חַטָּאתְךָ וְאֶת־עֹלָתֶךָ וְכַפֵּר בַּעַדְךָ וּבְעַד הָעָם וַעֲשֵׂה
ח אֶת־קָרְבַּן הָעָם וְכַפֵּר בַּעֲדָם כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה: וַיִּקְרַב
אַהֲרֹן אֶל־הַמִּזְבֵּחַ וַיִּשְׁחַט אֶת־עֵגֶל הַחַטָּאת אֲשֶׁר־לוֹ:
ט וַיַּקְרִבוּ בְּנֵי אַהֲרֹן אֶת־הַדָּם אֵלָיו וַיִּטְבֹּל אֶצְבָּעוֹ בַּדָּם
וַיִּתֵּן עַל־קַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ וְאֶת־הַדָּם יָצַק אֶל־יְסוֹד הַמִּזְבֵּחַ:
י וְאֶת־הַחֵלֶב וְאֶת־הַכְּלָיֹת וְאֶת־הַיֹּתֶרֶת מִן־הַכָּבֵד מִן־

הַֽחַטָּאת הִקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־
יא מֹשֶׁה׃ וְאֶת־הַבָּשָׂר וְאֶת־הָעוֹר שָׂרַף בָּאֵשׁ מִחוּץ לַמַּחֲנֶה׃
יב וַיִּשְׁחַט אֶת־הָעֹלָה וַיַּמְצִאוּ בְּנֵי אַהֲרֹן אֵלָיו אֶת־הַדָּם
יג וַיִּזְרְקֵהוּ עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃ וְאֶת־הָעֹלָה הִמְצִיאוּ אֵלָיו
יד לִנְתָחֶיהָ וְאֶת־הָרֹאשׁ וַיַּקְטֵר עַל־הַמִּזְבֵּחַ׃ וַיִּרְחַץ אֶת־
טו הַקֶּרֶב וְאֶת־הַכְּרָעָיִם וַיַּקְטֵר עַל־הָעֹלָה הַמִּזְבֵּחָה׃ וַיַּקְרֵב
אֵת קָרְבַּן הָעָם וַיִּקַּח אֶת־שְׂעִיר הַחַטָּאת אֲשֶׁר לָעָם
טז וַיִּשְׁחָטֵהוּ וַיְחַטְּאֵהוּ כָּרִאשׁוֹן׃ וַיַּקְרֵב אֶת־הָעֹלָה וַיַּעֲשֶׂהָ
שני כַּמִּשְׁפָּט׃ וַיַּקְרֵב אֶת־הַמִּנְחָה וַיְמַלֵּא כַפּוֹ מִמֶּנָּה וַיַּקְטֵר
יח עַל־הַמִּזְבֵּחַ מִלְּבַד עֹלַת הַבֹּקֶר׃ וַיִּשְׁחַט אֶת־הַשּׁוֹר וְאֶת־
הָאַיִל זֶבַח הַשְּׁלָמִים אֲשֶׁר לָעָם וַיַּמְצִאוּ בְּנֵי אַהֲרֹן אֶת־
יט הַדָּם אֵלָיו וַיִּזְרְקֵהוּ עַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב׃ וְאֶת־הַחֲלָבִים
מִן־הַשּׁוֹר וּמִן־הָאַיִל הָאַלְיָה וְהַמְכַסֶּה וְהַכְּלָיֹת וְיֹתֶרֶת
כ הַכָּבֵד׃ וַיָּשִׂימוּ אֶת־הַחֲלָבִים עַל־הֶחָזוֹת וַיַּקְטֵר הַחֲלָבִים
כא הַמִּזְבֵּחָה׃ וְאֵת הֶחָזוֹת וְאֵת שׁוֹק הַיָּמִין הֵנִיף אַהֲרֹן
כב תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה׃ וַיִּשָּׂא אַהֲרֹן אֶת־
יָדָו אֶל־הָעָם וַיְבָרְכֵם וַיֵּרֶד מֵעֲשֹׂת הַחַטָּאת וְהָעֹלָה
כג וְהַשְּׁלָמִים׃ וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד וַיֵּצְאוּ וַיְבָרְכוּ
של׳ אֶת־הָעָם וַיֵּרָא כְבוֹד־יְהוָה אֶל־כָּל־הָעָם׃ וַתֵּצֵא אֵשׁ
מִלִּפְנֵי יְהוָה וַתֹּאכַל עַל־הַמִּזְבֵּחַ אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־הַחֲלָבִים
וַיַּרְא כָּל־הָעָם וַיָּרֹנּוּ וַיִּפְּלוּ עַל־פְּנֵיהֶם׃

י

א וַיִּקְחוּ בְנֵי־אַהֲרֹן נָדָב וַאֲבִיהוּא אִישׁ מַחְתָּתוֹ וַיִּתְּנוּ בָהֵן
אֵשׁ וַיָּשִׂימוּ עָלֶיהָ קְטֹרֶת וַיַּקְרִיבוּ לִפְנֵי יְהוָה אֵשׁ זָרָה
ב אֲשֶׁר לֹא צִוָּה אֹתָם׃ וַתֵּצֵא אֵשׁ מִלִּפְנֵי יְהוָה וַתֹּאכַל
ג אוֹתָם וַיָּמֻתוּ לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן הוּא
אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה ׀ לֵאמֹר בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ וְעַל־פְּנֵי כָל־הָעָם

ט, כב׳ ידיו ק

האָט ער געדעמפט אויפן מזבח, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן. [11] און דאָס פלייש און דאָס פעל האָט מען פאַרברענט אין פייער אויסן לאַגער. [12] און ער האָט געשאָכטן דאָס בראַנדאָפּפער, און די זין פון אַהרנען האָבן אים דערלאַנגט דאָס בלוט, און ער האָט עס גע־שפּרענגט אויפן מזבח רונד אַרום. [13] און זיי האָבן אים דערלאַנגט דאָס בראַנדאָפּפער אין זיינע שטיקער, און דעם קאָפּ, און ער האָט עס געדעמפט אויפן מזבח. [14] און ער האָט אָפּגעשווענקט די אינגעווייד און די קני, און געדעמפט איבער דעם בראַנדאָפּפער אויפן מזבח. [15] און ער האָט געמאַכט גענענען דעם קרבן פון פאָלק; און ער האָט גענומען דעם באָק פון זינדאָפּפער וואָס פאַרן פאָלק, און האָט אים געשאָכטן, און אים אויפגעבראַכט פאַר אַ זינדאָפּפער אַזוי ווי דאָס ערשטע. [16] און ער האָט געמאַכט גענענען דאָס בראַנדאָפּפער, און האָט עס גע־מאַכט אַזוי ווי דער דין. [17] און ער האָט געמאַכט גענענען דאָס שפּייזאָפּפער, און האָט אָנגעפילט זיין האַנט דערפון, און געדעמפט אויפן מזבח, אַחוץ דעם בראַנדאָפּפער פון אין דער פרי. [18] און ער האָט געשאָכטן דעם אָקס און דעם ווידער, דאָס פרידאָפּפער וואָס פאַרן פאָלק; און די זין פון אַהרנען האָבן אים דערלאַנגט דאָס בלוט, און ער האָט עס געשפּרענגט אויפן מזבח רונד אַרום. [19] און דאָס פעטס פון דעם אָקס און פון דעם ווידער, דעם וויידל, און דאָס וואָס דעקט צו [די אינגעווייד], און די נירן, און דאָס רויטפלייש פון לעבער— [20] דאָס פעטס האָבן זיי אַרויפגעטאָן אויף די ברוסטן, און ער האָט געדעמפט דאָס פעטס אויפן מזבח. [21] און די ברוסטן און דעם רעכטן שענקל האָט אַהרן אויפגעהויבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט, אַזוי ווי משה האָט באַפוילן. [22] און אַהרן האָט אויפגעהויבן זיינע הענט צום פאָלק, און האָט זיי געבענטשט; און ער האָט אַראָפּגענידערט פון מאַכן דאָס זינדאָפּפער און דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס פרידאָפּפער. [23] און משה און אַהרן זיינען אַריינגעגאַנגען אין אוהל־מועד, און זיינען אַרויסגעגאַנגען און האָבן געבענטשט דאָס פאָלק; און די פּראַכט פון גאָט האָט זיך באַוויזן צום גאַנצן פאָלק. [24] און אַ פייער איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר גאָט, און האָט פאַרצערט אויפן מזבח דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס פעטס. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען, און זיי האָבן אויסגעשריען, און זיינען געפאַלן אויף זייער פּנים.

י [1] און די זין פון אַהרנען, נָדָב און אַביהוא, האָבן גענומען איטלעכער זיין פייערפאַן, און האָבן אַריינגעלייגט דערין פייער, און אַרויפגעטאָן דערויף ווייריך, און געבראַכט פאַר גאָט פרעמד פייער, וואָס ער האָט זיי ניט באַפוילן. [2] איז אַרויס אַ פייער פון פאַר גאָט, און האָט זיי פאַרצערט, און זיי זיינען געשטאָרבן פאַר גאָט. [3] און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען: דאָס איז וואָס גאָט האָט גערעדט, אַזוי צו זאָגן:

דורך מיינע נאָנטע וועל איך געהייליקט ווערן,
און פאַרן גאַנצן פאָלק וועל איך געערלעכט ווערן.

און אַהרן האָט געשוויגן. [4] און משה האָט גערופן מישָאֵל און אֶלצָפָן, די זין פון עוזיאֵל, אַהרנס פעטער, און האָט צו זיי געזאָגט: גענענט, טראָגט אַרויס אײַערע ברידער פון פאַר דעם הייליקטום אויסן לאַגער. [5] האָבן זיי גענענט, און האָבן זיי אַרויסגעטראָגן אין זייערע העמד־לעך אויסן לאַגער, אַזוי ווי משה האָט גערעדט.

[6] און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען, און צו אֶלעָזרן און צו איתָמָרן, זײַנע זין: אײַערע קעפּ זאָלט איר ניט לאָזן פאַרוואַקסן, און אײַערע קליידער זאָלט איר ניט אײַנרייסן, כּדי איר זאָלט ניט שטאַרבן, און אויף דער גאַנצער עדה וועט ער צערענען; נאָר אײַערע ברידער, דאָס גאַנצע הויז פון ישראל, זאָלן באַוויינען די פאַר־ברענונג וואָס גאָט האָט פאַרברענט. [7] און פון אײַנגאַנג פון אוהל־מועד זאָלט איר ניט אַרויסגיין, כּדי איר זאָלט ניט שטאַרבן; וואָרום דאָס אייל פון גאָטס זאַלבונג איז אויף אײַך.

און זיי האָבן געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון משהן.

[8] און גאָט האָט גערעדט צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן: [9] ווײַן און שטאַרק געטראַנק זאָלסטו ניט טרינקען, דו און דײַנע זין מיט דיר, ווען איר גייט אַרײַן אין אוהל־מועד, כּדי איר זאָלט ניט שטאַרבן; אַן אייביק געזעץ אויף אײַערע דור־דורות; [10] כּדי איר זאָלט אָפּשיידן צווישן הייליקן און אומהייליקן, און צווישן אומריינעם און ריינעם; [11] און לערנען די קינדער פון ישראל אַלע געזעצן וואָס גאָט האָט זיי געהייסן דורך משהן.

[12] און משה האָט גערעדט צו אַהרנען, און צו אֶלעָזָרן און צו איתָמָרן, זײַנע געבליבענע זין: נעמט דאָס שפּייז־אָפּפער וואָס בלײַבט פון די פײַעראָפּפער פון גאָט, און עסט עס אומגעזײַערט לעבן מזבח; וואָרום אַ הייליקסטע הייליקייט איז דאָס. [13] און איר זאָלט עס עסן אין אַ הייליקן אָרט, ווײַל דײַן רעכט און דײַנע קינדערס רעכט איז דאָס פון די פײַעראָפּפער פון גאָט; וואָרום אַזוי בין איך באַפוילן געוואָרן. [14] און די ברוסט פון אויפהייבונג און דעם שענקל פון אָפּשיידונג זאָלט איר עסן אין אַ ריינעם אָרט, דו, און דײַנע זין און דײַנע טעכטער מיט דיר; וואָרום ווי דײַן רעכט און דײַנע קינדערס רעכט זײַנען זיי געגעבן געוואָרן פון די פרידאָפּפער פון די קינדער פון ישראל. [15] דעם שענקל פון אָפּשיידונג און די ברוסט פון אויפהייבונג זאָלן זיי ברענגען מיט די פײַעראָפּפער פון פעטס, כּדי זיי אויפצוהייבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט; און עס זאָל געהערן צו דיר, און צו דײַנע קינדער מיט דיר, פאַר אַן אייביקן רעכט, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן.

[16] און משה האָט נאָכגעפרעגן זיך נאָכגעפרעגט וועגן דעם באָק פון זינדאָפּפער, ערשט ער איז פאַר־ברענט געוואָרן. האָט ער געצערנט אויף אֶלעָזרן און אויף איתָמרן, אַהרנס געבליבענע זין, אַזוי צו זאָגן: [17] פאַרוואָס האָט איר ניט געגעסן דאָס זינדאָפּפער אין הייליקן אָרט? וואָרום אַ הייליקסטע הייליקייט איז דאָס, און ער האָט דאָס אײַך געגעבן, כּדי צו נעמען אויף זיך די זינד פון דער עדה, מכפּר צו זײַן

ד אֶכָּבֵד וַיִּדֹּם אַהֲרֹן׃ וַיִּקְרָא מֹשֶׁה אֶל־מִישָׁאֵל וְאֶל אֶלְצָפָן
בְּנֵי עֻזִּיאֵל דֹּד אַהֲרֹן וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם קִרְבוּ שְׂאוּ אֶת־אֲחֵיכֶם
ה מֵאֵת פְּנֵי־הַקֹּדֶשׁ אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה׃ וַיִּקְרְבוּ וַיִּשָּׂאֻם
בְּכֻתֳּנֹתָם אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה׃ וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן וּלְאֶלְעָזָר וּלְאִיתָמָר ׀ בָּנָיו רָאשֵׁיכֶם אַל־
תִּפְרָעוּ ׀ וּבִגְדֵיכֶם לֹא־תִפְרֹמוּ וְלֹא תָמֻתוּ וְעַל כָּל־הָעֵדָה
יִקְצֹף וַאֲחֵיכֶם כָּל־בֵּית יִשְׂרָאֵל יִבְכּוּ אֶת־הַשְּׂרֵפָה אֲשֶׁר
ז שָׂרַף יְהוָה׃ וּמִפֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד לֹא תֵצְאוּ פֶּן־תָּמֻתוּ כִּי־
שֶׁמֶן מִשְׁחַת יְהוָה עֲלֵיכֶם וַיַּעֲשׂוּ כִּדְבַר מֹשֶׁה׃ פ
ח ט וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר׃ יַיִן וְשֵׁכָר אַל־תֵּשְׁתְּ ׀
אַתָּה ׀ וּבָנֶיךָ אִתָּךְ בְּבֹאֲכֶם אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד וְלֹא תָמֻתוּ
י חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתֵיכֶם׃ וּלְהַבְדִּיל בֵּין הַקֹּדֶשׁ וּבֵין הַחֹל
יא וּבֵין הַטָּמֵא וּבֵין הַטָּהוֹר׃ וּלְהוֹרֹת אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵת
כָּל־הַחֻקִּים אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֲלֵיהֶם בְּיַד־מֹשֶׁה׃ פ
רב׳ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל אֶלְעָזָר וְאֶל־אִיתָמָר ׀ בָּנָיו
הַנּוֹתָרִים קְחוּ אֶת־הַמִּנְחָה הַנּוֹתֶרֶת מֵאִשֵּׁי יְהוָה וְאִכְלוּהָ
יג מַצּוֹת אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ כִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא׃ וַאֲכַלְתֶּם
אֹתָהּ בְּמָקוֹם קָדוֹשׁ כִּי חָקְךָ וְחָק־בָּנֶיךָ הִוא מֵאִשֵּׁי יְהוָה
יד כִּי־כֵן צֻוֵּיתִי׃ וְאֵת חֲזֵה הַתְּנוּפָה וְאֵת ׀ שׁוֹק הַתְּרוּמָה
תֹּאכְלוּ בְּמָקוֹם טָהוֹר אַתָּה וּבָנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ אִתָּךְ כִּי־חָקְךָ
טו וְחָק־בָּנֶיךָ נִתְּנוּ מִזִּבְחֵי שַׁלְמֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ שׁוֹק הַתְּרוּמָה
וַחֲזֵה הַתְּנוּפָה עַל אִשֵּׁי הַחֲלָבִים יָבִיאוּ לְהָנִיף תְּנוּפָה
לִפְנֵי יְהוָה וְהָיָה לְךָ וּלְבָנֶיךָ אִתְּךָ לְחָק־עוֹלָם כַּאֲשֶׁר
חמ׳ צִוָּה יְהוָה׃ וְאֵת ׀ שְׂעִיר הַחַטָּאת דָּרֹשׁ דָּרַשׁ מֹשֶׁה וְהִנֵּה
שֹׂרָף וַיִּקְצֹף עַל־אֶלְעָזָר וְעַל־אִיתָמָר בְּנֵי אַהֲרֹן הַנּוֹתָרִם
יז לֵאמֹר׃ מַדּוּעַ לֹא־אֲכַלְתֶּם אֶת־הַחַטָּאת בִּמְקוֹם הַקֹּדֶשׁ
כִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא וְאֹתָהּ ׀ נָתַן לָכֶם לָשֵׂאת אֶת־עֲוֹן

ד׳ דקרא יטעים הגריש קדם התרסא   טז׳ דרש בראש שיטה והוא חצי התורה בתיבות

יח הָעֵדָה לְכַפֵּר עֲלֵיהֶם לִפְנֵי יְהוָה׃ הֵן לֹא־הוּבָא אֶת־
דָּמָהּ אֶל־הַקֹּדֶשׁ פְּנִימָה אָכוֹל תֹּאכְלוּ אֹתָהּ בַּקֹּדֶשׁ כַּאֲשֶׁר
יט צִוֵּיתִי׃ וַיְדַבֵּר אַהֲרֹן אֶל־מֹשֶׁה הֵן הַיּוֹם הִקְרִיבוּ אֶת־
חַטָּאתָם וְאֶת־עֹלָתָם לִפְנֵי יְהוָה וַתִּקְרֶאנָה אֹתִי כָּאֵלֶּה
כ וְאָכַלְתִּי חַטָּאת הַיּוֹם הַיִיטַב בְּעֵינֵי יְהוָה׃ וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה
וַיִּיטַב בְּעֵינָיו׃ פ

## יא

ששי ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר אֲלֵהֶם׃ דַּבְּרוּ
אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֹאת הַחַיָּה אֲשֶׁר תֹּאכְלוּ מִכָּל־
ג הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר עַל־הָאָרֶץ׃ כֹּל ׀ מַפְרֶסֶת פַּרְסָה וְשֹׁסַעַת
ד שֶׁסַע פְּרָסֹת מַעֲלַת גֵּרָה בַּבְּהֵמָה אֹתָהּ תֹּאכֵלוּ׃ אַךְ אֶת־
זֶה לֹא תֹאכְלוּ מִמַּעֲלֵי הַגֵּרָה וּמִמַּפְרִסֵי הַפַּרְסָה אֶת־
הַגָּמָל כִּי־מַעֲלֵה גֵרָה הוּא וּפַרְסָה אֵינֶנּוּ מַפְרִיס טָמֵא הוּא
ה לָכֶם׃ וְאֶת־הַשָּׁפָן כִּי־מַעֲלֵה גֵרָה הוּא וּפַרְסָה לֹא יַפְרִיס
ו טָמֵא הוּא לָכֶם׃ וְאֶת־הָאַרְנֶבֶת כִּי־מַעֲלַת גֵּרָה הִוא
ז וּפַרְסָה לֹא הִפְרִיסָה טְמֵאָה הִוא לָכֶם׃ וְאֶת־הַחֲזִיר כִּי־
מַפְרִיס פַּרְסָה הוּא וְשֹׁסַע שֶׁסַע פַּרְסָה וְהוּא גֵּרָה לֹא־
ח יִגָּר טָמֵא הוּא לָכֶם׃ מִבְּשָׂרָם לֹא תֹאכֵלוּ וּבְנִבְלָתָם לֹא
ט תִגָּעוּ טְמֵאִים הֵם לָכֶם׃ אֶת־זֶה תֹּאכְלוּ מִכֹּל אֲשֶׁר בַּמָּיִם
כֹּל אֲשֶׁר־לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּמַּיִם בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים
י אֹתָם תֹּאכֵלוּ׃ וְכֹל אֲשֶׁר אֵין־לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּיַּמִּים
וּבַנְּחָלִים מִכֹּל שֶׁרֶץ הַמַּיִם וּמִכֹּל נֶפֶשׁ הַחַיָּה אֲשֶׁר בַּמָּיִם
יא שֶׁקֶץ הֵם לָכֶם׃ וְשֶׁקֶץ יִהְיוּ לָכֶם מִבְּשָׂרָם לֹא תֹאכֵלוּ
יב וְאֶת־נִבְלָתָם תְּשַׁקֵּצוּ׃ כֹּל אֲשֶׁר אֵין־לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת
יג בַּמָּיִם שֶׁקֶץ הוּא לָכֶם׃ וְאֶת־אֵלֶּה תְּשַׁקְּצוּ מִן־הָעוֹף לֹא
יֵאָכְלוּ שֶׁקֶץ הֵם אֶת־הַנֶּשֶׁר וְאֶת־הַפֶּרֶס וְאֵת הָעָזְנִיָּה׃
יד טו וְאֶת־הַדָּאָה וְאֶת־הָאַיָּה לְמִינָהּ׃ אֵת כָּל־עֹרֵב לְמִינוֹ׃
טז וְאֵת בַּת הַיַּעֲנָה וְאֶת־הַתַּחְמָס וְאֶת־הַשָּׁחַף וְאֶת־הַנֵּץ

אויף זיי פאַר גאָט. [18] זיין בלוט איז דאָך ניט געבראַכט געוואָרן אינעווייניק אין הייליקטום; עסן האָט איר עס געזאָלט עסן אין הייליקטום, אַזוי ווי איך האָב באַפוילן.

[19] האָט אַהרן גערעדט צו משהן: אָט האָבן זיי היינט געבראַכט זייער זינדאָפּפער און זייער בראַנדאָפּפער פאַר גאָט, און מיר האָט אַזוי וואָס געטראָפן, און אַז איך וואָלט געגעסן דאָס זינדאָפּפער היינט, וואָלט עס דען ווילגעפעלן אין די אויגן פון גאָט? [20] און משה האָט צוגע־הערט, און עס איז ווילגעפעלן אין זיינע אויגן.

# יא

[1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, זיי אַזוי צו זאָגן: [2] רעדט צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: דאָס זיינען די לעבעדיקע זאַכן וואָס איר מעגט עסן פון אַלע בהמות וואָס אויף דער ערד. [3] איט־לעכע וואָס איז באַקלויט מיט קלויען, און די קלויען זיינען ביי איר צעשפּאָלטן, וואָס איז מַעֲלֵה־גֵרָה צווישן בהמות, זי מעגט איר עסן. [4] אָבער דידאָזיקע טאָרט איר ניט עסן פון די וואָס זיינען מַעֲלֵה־גֵרָה, און פון די וואָס זיינען באַקלויט מיט קלויען: דעם קעמל, ווייל מַעֲלֵה־גֵרָה איז ער, אָבער מיט קלויען איז ער ניט באַקלויט; ער איז אומריין פאַר אייך. [5] און דעם קיניגל, ווייל מַעֲלֵה־גֵרָה איז ער, אָבער מיט קלויען איז ער ניט באַקלויט; ער איז אומריין פאַר אייך. [6] און דעם האָז, ווייל מַעֲלֵה־גֵרָה איז ער, אָבער מיט קלויען איז ער ניט באַקלויט; ער איז אומריין פאַר אייך. [7] און דעם חזיר, ווייל באַקלויט מיט קלויען איז ער, און די קלויען זיינען ביי אים צעשפּאָלטן, אָבער ער איז ניט מַעֲלֵה־גֵרָה; ער איז אומריין פאַר אייך. [8] פון זייער פלייש טאָרט איר ניט עסן, און אָן זייער נבֵלה טאָרט איר זיך ניט אָנרירן; אומריין זיינען זיי פאַר אייך.

[9] דידאָזיקע מעגט איר עסן פון אַלץ וואָס אין וואַסער: אַלץ וואָס האָט פלוספעדערן און שופּן אין וואַסער, אין די ימען און אין די טייכן, זיי מעגט איר עסן. [10] און אַלץ וואָס האָט ניט פלוספעדערן און שופּן, אין די ימען און אין די טייכן, פון אַלעווידמעננונגען פון וואַסער, און פון אַלע לעבעדיקע באַשעפענישן וואָס אין וואַסער, זיי זיינען אַן אומווערדיקייט פאַר אייך. [11] און אַן אומווערדיקייט זאָלן זיי אייך זיין; פון זייער פלייש זאָלט איר ניט עסן, און זייער נבֵלה זאָלט איר פאַראומווערדיקן. [12] אַלץ וואָס האָט ניט קיין פלוספעדערן און שופּן אין וואַסער, דאָס איז אַן אומווערדיקייט פאַר אייך.

[13] און דידאָזיקע זאָלט איר פאַראומווערדיקן פון פויגלען; זיי טאָרן ניט געגעסן ווערן; אַן אומווערדיקייט זיינען זיי: דעם אָדלער, און דעם ביינברעכער, און דעם שוואַרצאָדלער; [14] און די ווייַ, און דעם פאַלקפויגל לויט זיינע מינים; [15] יעטוועדער ראָב לויט זיינע מינים; [16] און דעם שטרויספויגל, און דעם נאַכטשפּאַרבער, און דעם ים־פויגל, און דעם

שפּאַרבער לויט זיינע מינים; 17 און די אייל, און דעם פישפרעסער, און די שטאָקאַייל; 18 און דעם אוהו, און דעם פּעליקאַן, און דעם גייער; 19 און דעם שטאָרך, דעם בּושל לויט זיינע מינים, און דעם אויערהאָן, און די פלעדערמויז.

20 און יעטוועדער געפליגלטע ווידעמנונג וואָס גייט אויף פיר, זי איז אַן אומווערדיקייט פאַר אַייך. 21 אָבער דאָס מעגט איר עסן פון אַלע געפליגלטע ווידמענונגען וואָס גייען אויף פיר: דאָס וואָס האָט געלענקען איבער זיינע פיס, צו שפּרינגען מיט זיי אויף דער ערד. 22 די־דאָזיקע פון זיי מעגט איר עסן: דעם היישעריק לויט זיינע מינים, און דעם גראָזפרעסער לויט זיינע מינים, און דעם שפּרינגהיישעריק לויט זיינע מינים, און דעם גריל לויט זיינע מינים. 23 אָבער יעטוועדער [אַנדערע] געפליגלטע ווידמענונג וואָס האָט פיר פיס, זי איז אַן אומווערדיקייט פאַר אַייך.

24 און פון דידאָזיקע וועט איר ווערן אומריין; איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן זייער נבֵלה, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט. 25 און איטלעכער וואָס טראָגט עפּעס פון זייער נבֵלה, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. 26 איטלעכע בהמה וואָס איז באַקלויט מיט קלויען, אָבער דורכגעשפּאָלטן זיינען זיי ניט דורכגעשפּאָלטן ביי איר, אָדער זי איז ניט מַעֲלֵה־גֵרָה, זיי זיינען אומריין פאַר אַייך; איטלעכער וואָס רירט זיך אָן זיי אָן, זאָל ווערן אומריין. 27 און אַלע וואָס גייען אויף זייערע לאַפּעס, צווישן אַלע חיות וואָס גייען אויף פיר, זיי זיינען אומריין פאַר אַייך; איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן זייער נבֵלה, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט. 28 און דער וואָס טראָגט זייער נבֵלה, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיין אומריין ביזן אָוונט; אומריין זיינען זיי פאַר אַייך.

29 און דאָס איז וואָס איז אומריין פאַר אַייך צווישן די שרצים וואָס קריכן אויף דער ערד: דאָס ווייזעלע, און די מויז, און די שילדקרעט לויט אירע מינים; 30 און די גראָבמויז, און דער לאַנדקראָקאָדיל, און דער עקדעש, און דער זאַמדעקדעש, און דער כאַמעלעאָן. 31 דאָס זיינען די וואָס זיינען אומריין פאַר אַייך צווישן אַלע שרצים; איטלעכער וואָס רירט זיך אָן זיי ווען זיי זיינען טויט, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט. 32 און אַלץ וואָס עפּעס פון זיי וועט פאַלן דערויף ווען זיי זיינען טויט, זאָל ווערן אומריין, סיי וואָסער עס איז הילצערנע כלי, אָדער אַ בגד, אָדער אַ פעל, אָדער אַ זאַק, איטלעכע כלי וואָס דערמיט ווערט געטאָן אַרבעט, זאָל אַריינגעטאָן ווערן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט, און ווערן ריין. 33 און איטלעכע ליימענע כלי וואָס אין איר וועט אַריינפאַלן עפּעס פון זיי, זאָל אַלץ וואָס אין איר ווערן אומריין, און זי זאָלט איר צעברעכן. 34 איטלעך עסנוואַרג [דערין] וואָס ווערט געגעסן, וואָס דערויף איז געקומען וואַסער, זאָל ווערן אומריין; און יעטוועדער געטראַנק וואָס ווערט געטרונקען אין אַלע אַזעלכע כלים, זאָל ווערן אומריין. 35 און אַלץ וואָס עפּעס פון זייער נבֵלה וועט פאַלן דערויף, זאָל ווערן אומריין; אויב אַ באַקאויוון אָדער אַ קאָכאויוון, זאָל עס צעבראָכן ווערן; אומריין זיינען זיי, און אומריין זאָלן זיי אַייך זיין. 36 אָבער

יז למינהו: ואת־הכוס ואת־השלך ואת־הינשוף: ואת־
יח
יט התנשמת ואת־הקאת ואת־הרחם: ואת החסידה האנפה
כ למינה ואת־הדוכיפת ואת־העטלף: כל שרץ העוף
כא ההלך על־ארבע שקץ הוא לכם: אך את־זה תאכלו
מכל שרץ העוף ההלך על־ארבע אשר־לא כרעים
כב ממעל לרגליו לנתר בהן על־הארץ: את־אלה מהם
תאכלו את־הארבה למינו ואת־הסלעם למינהו ואת־
כג החרגל למינהו ואת־החגב למינהו: וכל שרץ העוף
כד אשר־לו ארבע רגלים שקץ הוא לכם: ולאלה תטמאו
כה כל־הנגע בנבלתם יטמא עד־הערב: וכל־הנשא מנבלתם
כו יכבס בגדיו וטמא עד־הערב: לכל־הבהמה אשר הוא
מפרסת פרסה ושסע ׀ איננה שסעת וגרה איננה מעלה
כז טמאים הם לכם כל־הנגע בהם יטמא: וכל ׀ הולך על־
כפיו בכל־החיה ההלכת על־ארבע טמאים הם לכם
כח כל־הנגע בנבלתם יטמא עד־הערב: והנשא את־נבלתם
יכבס בגדיו וטמא עד־הערב טמאים המה לכם: ס
כט וזה לכם הטמא בשרץ השרץ על־הארץ החלד והעכבר
ל והצב למינהו: והאנקה והכח והלטאה והחמט והתנשמת:
לא אלה הטמאים לכם בכל־השרץ כל־הנגע בהם במתם
לב יטמא עד־הערב: וכל אשר־יפל עליו מהם ׀ במתם
יטמא מכל־כלי־עץ או בגד או־עור או שק כל־כלי
אשר־יעשה מלאכה בהם במים יובא וטמא עד־הערב
לג וטהר: וכל־כלי־חרש אשר־יפל מהם אל־תוכו כל
לד אשר בתוכו יטמא ואתו תשברו: מכל־האכל אשר
יאכל אשר יבוא עליו מים יטמא וכל־משקה אשר ישתה
לה בכל־כלי יטמא: וכל אשר־יפל מנבלתם ׀ עליו יטמא
לו תנור וכירים יתץ טמאים הם וטמאים יהיו לכם: אך

כא׳ ל׳ קרי   לב׳ קמץ בז״ק   לה׳ קמץ בטרחא

מַעְיָן וּבוֹר מִקְוֵה־מַיִם יִהְיֶה טָהוֹר וְנֹגֵעַ בְּנִבְלָתָם יִטְמָא׃
לז וְכִי יִפֹּל מִנִּבְלָתָם עַל־כָּל־זֶרַע זֵרוּעַ אֲשֶׁר יִזָּרֵעַ טָהוֹר
לח הוּא׃ וְכִי יֻתַּן־מַיִם עַל־זֶרַע וְנָפַל מִנִּבְלָתָם עָלָיו טָמֵא
לט הוּא לָכֶם׃ ס וְכִי יָמוּת מִן־הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר־הִיא לָכֶם
מ לְאָכְלָה הַנֹּגֵעַ בְּנִבְלָתָהּ יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃ וְהָאֹכֵל מִנִּבְלָתָהּ
יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב וְהַנֹּשֵׂא אֶת־נִבְלָתָהּ יְכַבֵּס
מא בְּגָדָיו וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְכָל־הַשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ עַל־הָאָרֶץ
מב שֶׁקֶץ הוּא לֹא יֵאָכֵל׃ כֹּל הוֹלֵךְ עַל־גָּחוֹן וְכֹל ׀ הוֹלֵךְ
עַל־אַרְבַּע עַד כָּל־מַרְבֵּה רַגְלַיִם לְכָל־הַשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ עַל־
מג הָאָרֶץ לֹא תֹאכְלוּם כִּי־שֶׁקֶץ הֵם׃ אַל־תְּשַׁקְּצוּ אֶת־
נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּכָל־הַשֶּׁרֶץ הַשֹּׁרֵץ וְלֹא תִטַּמְּאוּ בָּהֶם וְנִטְמֵתֶם
מד בָּם׃ כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים
כִּי קָדוֹשׁ אָנִי וְלֹא תְטַמְּאוּ אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּכָל־הַשֶּׁרֶץ
מה הָרֹמֵשׂ עַל־הָאָרֶץ׃ כִּי ׀ אֲנִי יְהוָה הַמַּעֲלֶה אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ
מִצְרַיִם לִהְיֹת לָכֶם לֵאלֹהִים וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ
מו אָנִי׃ זֹאת תּוֹרַת הַבְּהֵמָה וְהָעוֹף וְכֹל נֶפֶשׁ הַחַיָּה הָרֹמֶשֶׂת
מז בַּמָּיִם וּלְכָל־נֶפֶשׁ הַשֹּׁרֶצֶת עַל־הָאָרֶץ׃ לְהַבְדִּיל בֵּין
הַטָּמֵא וּבֵין הַטָּהֹר וּבֵין הַחַיָּה הַנֶּאֱכֶלֶת וּבֵין הַחַיָּה אֲשֶׁר
לֹא תֵאָכֵל׃ פ

אַ קוואַל אָדער אַ גרוב ווו וואַסער איז איינגעזאַמלט, זאָל בלייבן ריין; נאָר דער וואָס רירט זיך אָן אָן זייער נבֵלה, זאָל ווערן אומריין. [37] און אויב פון זייער נבֵלה וועט פאַלן אויף וואָסער עס איז זאָמען פון זריעה וואָס ווערט געזייט, איז ער ריין. [38] אויב אָבער אויפן זאָמען איז אַרויפגעטאָן געוואָרן וואַסער, און עפּעס פון זייער נבֵלה וועט פאַלן דערויף, איז ער אומריין פאַר אײַך.

[39] און אַז איינע פון די בהמות וואָס זיינען פאַר אײַך צום עסן וועט אָוועקפאַלן, זאָל דער וואָס רירט זיך אָן אָן איר נבֵלה, זיין אומריין ביזן אָוונט. [40] און דער וואָס עסט פון איר נבֵלה, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיין אומריין ביזן אָוונט; און דער וואָס טראָגט איר נבֵלה, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [41] און יעטוועדער שרץ וואָס קריכט אויף דער ערד, איז אַן אומווערדיקייט; ער זאָל ניט געגעסן ווערן. [42] אַלץ וואָס גייט אויפן בויך, און אַלץ וואָס גייט אויף פיר, און אַלץ וואָס איז פילפיסיק, אַלע שרצים וואָס קריכן אויף דער ערד, זיי זאָלט איר ניט עסן, וואָרום אַן אומווערדיקייט זיינען זיי. [43] איר זאָלט ניט פאַראומווערדיקן אַייער זעל מיט קיין שרץ וואָס קריכט, און איר זאָלט זיך ניט פאַראומריייניקן מיט זיי, און ווערן אומריין דורך זיי. [44] וואָרום איך בין יהוה אַייער גאָט, און איר זאָלט זיך הייליקן און זיין הייליק, וואָרום איך בין הייליק; און איר זאָלט ניט פאַראומרייניקן אַייער זעל מיט קיין שרץ וואָס ווידמענט זיך אויף דער ערד. [45] וואָרום איך בין יהוה וואָס האָט אײַך אויפגעבראַכט פון לאַנד מִצרַיִם, אײַך צו זיין צום גאָט; דרום זאָלט איר זיין הייליק, ווייל איך בין הייליק.

[46] דאָס איז דער דין פון בהמות, און פויגלען, און יעטוועדער לעבעדיקער באַשעפעניש וואָס ווידמענט זיך אין וואַסער, און וועגן יעטוועדער באַשעפעניש וואָס קריכט אויף דער ערד, [47] כדי אָפּצושיידן צווישן אומריינעם און ריינעם, און צווישן דער לעבעדיקער זאַך וואָס מעג געגעסן ווערן, און דער לעבעדיקער זאַך וואָס טאָר ניט געגעסן ווערן.

# תַזְרִיעַ

יב

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל ב
לֵאמֹר אִשָּׁה כִּי תַזְרִיעַ וְיָלְדָה זָכָר וְטָמְאָה שִׁבְעַת יָמִים
ג כִּימֵי נִדַּת דְּוֺתָהּ תִּטְמָא׃ וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר
ד עָרְלָתוֹ׃ וּשְׁלֹשִׁים יוֹם וּשְׁלֹשֶׁת יָמִים תֵּשֵׁב בִּדְמֵי טָהֳרָה
בְּכָל־קֹדֶשׁ לֹא־תִגָּע וְאֶל־הַמִּקְדָּשׁ לֹא תָבֹא עַד־מְלֹאת
ה יְמֵי טָהֳרָהּ׃ וְאִם־נְקֵבָה תֵלֵד וְטָמְאָה שְׁבֻעַיִם כְּנִדָּתָהּ

יא,מב׳ ו׳ רבתי והוא חצי התורה באותיות מג׳ חסר א׳ יב,ד׳ קמץ ברביע

יב [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] רעד צו די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן:

אַ פרוי אַז זי וועט געלעגן ווערן, און געבערן אַ ייִנגל, זאָל זי זיין אומריין זיבן טעג; אַזוי ווי די טעג פון דער אָפּזונדערונג אין איר קראַנקשאַפט זאָל זי זיין אומריין. [3] און אויפן אַכטן טאָג זאָל געמַלט ווערן דאָס פלייש פון זיין פאָרהויט. [4] און דרייסיק טעג מיט דריי טעג זאָל זי בלייבן אין דעם בלוט פון רייניקונג; אָן קיין הייליקער זאַך זאָל זי זיך ניט אָנרירן, און אין הייליקטום זאָל זי ניט קומען, ביז די טעג פון איר רייניקונג ווערן פול. [5] אויב אָבער זי וועט געבערן אַ מיידל, זאָל זי זיין אומריין צוויי וואָכן, אַזוי ווי אין איר אָפּזונדערונג,

ו וּשְׁשִּׁים יוֹם וְשֵׁשֶׁת יָמִים תֵּשֵׁב עַל־דְּמֵי טָהֳרָה׃ וּבִמְלֹאת ׀
יְמֵי טָהֳרָהּ לְבֵן אוֹ לְבַת תָּבִיא כֶּבֶשׂ בֶּן־שְׁנָתוֹ לְעֹלָה וּבֶן־
יוֹנָה אוֹ־תֹר לְחַטָּאת אֶל־פֶּתַח אֹהֶל־מוֹעֵד אֶל־הַכֹּהֵן׃
ז וְהִקְרִיבוֹ לִפְנֵי יְהוָה וְכִפֶּר עָלֶיהָ וְטָהֲרָה מִמְּקֹר דָּמֶיהָ
ח זֹאת תּוֹרַת הַיֹּלֶדֶת לַזָּכָר אוֹ לַנְּקֵבָה׃ וְאִם־לֹא תִמְצָא
יָדָהּ דֵּי שֶׂה וְלָקְחָה שְׁתֵּי־תֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה אֶחָד
לְעֹלָה וְאֶחָד לְחַטָּאת וְכִפֶּר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן וְטָהֵרָה׃ פ

יג

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵּאמֹר׃ אָדָם כִּי־יִהְיֶה
ב בְעוֹר־בְּשָׂרוֹ שְׂאֵת אוֹ־סַפַּחַת אוֹ בַהֶרֶת וְהָיָה בְעוֹר־בְּשָׂרוֹ
לְנֶגַע צָרָעַת וְהוּבָא אֶל־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן אוֹ אֶל־אַחַד מִבָּנָיו
ג הַכֹּהֲנִים׃ וְרָאָה הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּגַע בְּעוֹר־הַבָּשָׂר וְשֵׂעָר
בַּנֶּגַע הָפַךְ ׀ לָבָן וּמַרְאֵה הַנֶּגַע עָמֹק מֵעוֹר בְּשָׂרוֹ נֶגַע צָרַעַת
ד הוּא וְרָאָהוּ הַכֹּהֵן וְטִמֵּא אֹתוֹ׃ וְאִם־בַּהֶרֶת לְבָנָה הִוא
בְּעוֹר בְּשָׂרוֹ וְעָמֹק אֵין־מַרְאֶהָ מִן־הָעוֹר וּשְׂעָרָה לֹא־הָפַךְ
ה לָבָן וְהִסְגִּיר הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּגַע שִׁבְעַת יָמִים׃ וְרָאָהוּ הַכֹּהֵן
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וְהִנֵּה הַנֶּגַע עָמַד בְּעֵינָיו לֹא־פָשָׂה הַנֶּגַע
שני בָּעוֹר וְהִסְגִּירוֹ הַכֹּהֵן שִׁבְעַת יָמִים שֵׁנִית׃ וְרָאָה הַכֹּהֵן
אֹתוֹ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי שֵׁנִית וְהִנֵּה כֵּהָה הַנֶּגַע וְלֹא־פָשָׂה
הַנֶּגַע בָּעוֹר וְטִהֲרוֹ הַכֹּהֵן מִסְפַּחַת הִוא וְכִבֶּס בְּגָדָיו וְטָהֵר׃
ז וְאִם־פָּשֹׂה תִפְשֶׂה הַמִּסְפַּחַת בָּעוֹר אַחֲרֵי הֵרָאֹתוֹ אֶל־
ח הַכֹּהֵן לְטָהֳרָתוֹ וְנִרְאָה שֵׁנִית אֶל־הַכֹּהֵן׃ וְרָאָה הַכֹּהֵן
וְהִנֵּה פָּשְׂתָה הַמִּסְפַּחַת בָּעוֹר וְטִמְּאוֹ הַכֹּהֵן צָרַעַת הִוא׃ פ
ט י נֶגַע צָרַעַת כִּי תִהְיֶה בְּאָדָם וְהוּבָא אֶל־הַכֹּהֵן׃ וְרָאָה הַכֹּהֵן
וְהִנֵּה שְׂאֵת־לְבָנָה בָּעוֹר וְהִיא הָפְכָה שֵׂעָר לָבָן וּמִחְיַת
יא בָּשָׂר חַי בַּשְׂאֵת׃ צָרַעַת נוֹשֶׁנֶת הִוא בְּעוֹר בְּשָׂרוֹ וְטִמְּאוֹ
יב הַכֹּהֵן לֹא יַסְגִּרֶנּוּ כִּי טָמֵא הוּא׃ וְאִם־פָּרוֹחַ תִּפְרַח הַצָּרַעַת

יג, י׳ ש׳ רפה

און זעכציק טעג מיט זעקס טעג זאָל זי בלייבן אין דעם בלוט פון רייניקונג. 6 און אַז די טעג פון איר רייניקונג װערן פול, ביי אַ ייִנגל אָדער ביי אַ מיידל, זאָל זי ברענגען אַ יאָריקן שעפּס פאַר אַ בראַנדאָפּפער, און אַ יונגע טויב, אָדער אַ טורטלטויב, פאַר אַ זינדאָפּפער, צום איינגאַנג פון אוהל־מועד, צום כּהן. 7 און ער זאָל עס מקריב זיין פאַר גאָט, און מכפּר זיין אויף איר, און זי װעט װערן ריין פון איר בלוטקװאַל.

דאָס איז דער דין פון אַ קינפּעטאָרין, ביי אַ ייִנגל אָדער ביי אַ מיידל. 8 און אויב איר האַנט פאַרמאָגט ניט גענוג אויף אַ לאַם, זאָל זי נעמען צוויי טורטלטויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן, איינע פאַר אַ בראַנדאָפּפער, און איינע פאַר אַ זינדאָפּפער; און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף איר, און זי װעט װערן ריין.

יג 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן:

2 אַ מענטש, אַז אויף דער הויט פון זיין לייב װעט זיין אַ געשװילעכץ, אָדער אַ גרינד, אָדער אַ פלעק, און װעט װערן אויף דער הויט פון זיין לייב װי אַן אויסשלאָג פון צרעת, זאָל ער געבראַכט װערן צו אַהרן דעם כּהן, אָדער צו איינעם פון זיינע קינדער די כּהנים. 3 און דער כּהן זאָל באַקוקן דעם אויסשלאָג אויף דער הויט פון לייב, און אויב די האָר אויפן אויסשלאָג איז געװאָרן װייס, און דאָס אויסזען פון דעם אויסשלאָג איז טיפער פון דער הויט, איז דאָס די פּלאָג פון צרעת; און אַז דער כּהן װעט אים זען, זאָל ער אים מאַכן פאַר אומריין. 4 אויב אָבער דאָס איז אַ װייסער פלעק אויף דער הויט פון זיין לייב, און זיין אויסזען איז ניט טיפער פון דער הויט, און די האָר אויף אים איז ניט געװאָרן װייס, זאָל דער כּהן איינשליסן דעם װאָס האָט דעם אויסשלאָג אויף זיבן טעג. 5 און אַז דער כּהן װעט אים באַקוקן אויפן זיבעטן טאָג, ערשט דער אויסשלאָג איז געבליבן ביי זיין אויסזען, דער אויסשלאָג האָט זיך ניט פאַרשפּרייט אויף דער הויט, זאָל אים דער כּהן איינשליסן אַ צװייט מאָל אויף זיבן טעג. 6 און אַז דער כּהן װעט אים באַקוקן אויפן זיבעטן טאָג אַ צװייט מאָל, ערשט דער אויסשלאָג איז מאַט, און דער אויסשלאָג האָט זיך ניט פאַרשפּרייט אויף דער הויט, זאָל אים דער כּהן מאַכן פאַר ריין; אַ גרינד איז דאָס; און ער זאָל װאַשן זיינע קליידער, און זיין ריין. 7 אויב אָבער שפּרייטן װעט זיך פאַרשפּרייטן דער גרינד אויף דער הויט נאָכדעם װי ער האָט זיך געװיזן צום כּהן פאַר זיין רייניקונג, זאָל ער זיך װייזן צום כּהן אַ צװייט מאָל. 8 און אַז דער כּהן װעט זען, ערשט דער גרינד האָט זיך פאַרשפּרייט אויף דער הויט, זאָל דער כּהן אים מאַכן פאַר אומריין; צרעת איז דאָס.

9 אַז די פּלאָג פון צרעת װעט זיין אויף אַ מענטשן, זאָל ער געבראַכט װערן צום כּהן. 10 און אַז דער כּהן װעט זען, ערשט אַ װייסע געשװילעכץ איז אויף דער הויט, און זי האָט פאַרקערט די האָר אין װייס, און אַן אָנװוקס פון װילד־פלייש איז אויף דער געשװילעכץ, 11 איז דאָס אַן אַלטע צרעת אויף דער הויט פון זיין לייב, און דער כּהן זאָל אים מאַכן פאַר אומריין; ער דאַרף אים ניט איינשליסן, װאָרום ער איז אומריין. 12 און אויב אויסברעכן װעט אויסברעכן די צרעת

בָעוֹר וְכִסְּתָה הַצָּרַעַת אֵת כָּל־עוֹר הַנֶּגַע מֵרֹאשׁוֹ וְעַד־
יג רַגְלָיו לְכָל־מַרְאֵה עֵינֵי הַכֹּהֵן׃ וְרָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה כִסְּתָה
הַצָּרַעַת אֶת־כָּל־בְּשָׂרוֹ וְטִהַר אֶת־הַנָּגַע כֻּלּוֹ הָפַךְ לָבָן
יד טו טָהוֹר הוּא׃ וּבְיוֹם הֵרָאוֹת בּוֹ בָּשָׂר חַי יִטְמָא׃ וְרָאָה
הַכֹּהֵן אֶת־הַבָּשָׂר הַחַי וְטִמְּאוֹ הַבָּשָׂר הַחַי טָמֵא הוּא
טז צָרַעַת הוּא׃ אוֹ כִי יָשׁוּב הַבָּשָׂר הַחַי וְנֶהְפַּךְ לְלָבָן וּבָא
יז אֶל־הַכֹּהֵן׃ וְרָאָהוּ הַכֹּהֵן וְהִנֵּה נֶהְפַּךְ הַנֶּגַע לְלָבָן וְטִהַר
הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּגַע טָהוֹר הוּא׃ פ
שלי' יט וּבָשָׂר כִּי־יִהְיֶה בוֹ־בְעֹרוֹ שְׁחִין וְנִרְפָּא׃ וְהָיָה בִּמְקוֹם
הַשְּׁחִין שְׂאֵת לְבָנָה אוֹ בַהֶרֶת לְבָנָה אֲדַמְדָּמֶת וְנִרְאָה
כ אֶל־הַכֹּהֵן׃ וְרָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה מַרְאֶהָ שָׁפָל מִן־הָעוֹר
וּשְׂעָרָהּ הָפַךְ לָבָן וְטִמְּאוֹ הַכֹּהֵן נֶגַע־צָרַעַת הִוא בַּשְּׁחִין
כא פָּרָחָה׃ וְאִם ׀ יִרְאֶנָּה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה אֵין־בָּהּ שֵׂעָר לָבָן וּשְׁפָלָה
אֵינֶנָּה מִן־הָעוֹר וְהִיא כֵהָה וְהִסְגִּירוֹ הַכֹּהֵן שִׁבְעַת יָמִים׃
כב כג וְאִם־פָּשֹׂה תִפְשֶׂה בָּעוֹר וְטִמֵּא הַכֹּהֵן אֹתוֹ נֶגַע הִוא׃ וְאִם־
תַּחְתֶּיהָ תַּעֲמֹד הַבַּהֶרֶת לֹא פָשָׂתָה צָרֶבֶת הַשְּׁחִין הִוא
רב' (שני) וְטִהֲרוֹ הַכֹּהֵן׃ ס אוֹ בָשָׂר כִּי־יִהְיֶה בְעֹרוֹ מִכְוַת־אֵשׁ
וְהָיְתָה מִחְיַת הַמִּכְוָה בַּהֶרֶת לְבָנָה אֲדַמְדֶּמֶת אוֹ לְבָנָה׃
כה וְרָאָה אֹתָהּ הַכֹּהֵן וְהִנֵּה נֶהְפַּךְ שֵׂעָר לָבָן בַּבַּהֶרֶת וּמַרְאֶהָ
עָמֹק מִן־הָעוֹר צָרַעַת הִוא בַּמִּכְוָה פָּרָחָה וְטִמֵּא אֹתוֹ הַכֹּהֵן
כו נֶגַע צָרַעַת הִוא׃ וְאִם ׀ יִרְאֶנָּה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה אֵין־בַּבַּהֶרֶת
שֵׂעָר לָבָן וּשְׁפָלָה אֵינֶנָּה מִן־הָעוֹר וְהִוא כֵהָה וְהִסְגִּירוֹ
כז הַכֹּהֵן שִׁבְעַת יָמִים׃ וְרָאָהוּ הַכֹּהֵן בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי אִם־
פָּשֹׂה תִפְשֶׂה בָּעוֹר וְטִמֵּא הַכֹּהֵן אֹתוֹ נֶגַע צָרַעַת הִוא׃
כח וְאִם־תַּחְתֶּיהָ תַעֲמֹד הַבַּהֶרֶת לֹא־פָשְׂתָה בָעוֹר וְהִוא כֵהָה
שְׂאֵת הַמִּכְוָה הִוא וְטִהֲרוֹ הַכֹּהֵן כִּי־צָרֶבֶת הַמִּכְוָה הִוא׃ פ
חמ' ל וְאִישׁ אוֹ אִשָּׁה כִּי־יִהְיֶה בוֹ נָגַע בְּרֹאשׁ אוֹ בְזָקָן׃ וְרָאָה

כג' קמץ בז"ק

אויף דער הויט, און די צרעת וועט באַדעקן די גאַנצע הויט פון דעם וואָס האָט דעם אויסשלאָג פון קאָפּ ביז די פיס, ווו נאָר די אויגן פון כּהן גיבן אַ קוק, 13 איז, אַז דער כּהן וועט זען, ערשט די צרעת האָט באַדעקט זיין גאַנצן לייב, זאָל ער מאַכן דעם וואָס האָט דעם אויסשלאָג פאַר ריין; ער איז אין גאַנצן געוואָרן ווייס, איז ער ריין. 14 אָבער דעם טאָג וואָס עס באַווייזט זיך אויף אים ווילדפלייש, זאָל ער ווערן אומריין. 15 און אַז דער כּהן וועט זען דאָס ווילדפלייש, זאָל ער אים מאַכן פאַר אומריין; ווילדפלייש דאָס איז אומריין; צרעת איז דאָס. 16 אויב אָבער דאָס ווילדפלייש וועט ווידער ווערן ווייס, זאָל ער קומען צום כּהן. 17 און אַז דער כּהן וועט אים באַקוקן, ערשט דער אויסשלאָג איז געוואָרן ווייס, זאָל דער כּהן מאַכן דעם וואָס האָט דעם אויסשלאָג, פאַר ריין; ער איז ריין.

18 און אַ לייב, אַז ביי אים אויף זיין הויט וועט זיין אַן אויסשיט, און ער וועט פאַרהיילט ווערן, 19 און אויף דעם אָרט פון דעם אויסשיט וועט ווערן אַ ווייסע געשווילעכץ, אָדער אַ רויטלעך ווייסער פלעק, זאָל ער באַוויזן ווערן צום כּהן. 20 און אַז דער כּהן וועט זען, ערשט דאָס אויסזען דערפון איז נידעריקער פון דער הויט, און די האָר דערויף איז געוואָרן ווייס, זאָל דער כּהן אים מאַכן פאַר אומריין; די פּלאָג פון צרעת איז דאָס, וואָס האָט אויסגעבראָכן אויף דעם אויסשיט. 21 און אַז דער כּהן וועט עס באַקוקן, ערשט ווייסע האָר איז דערויף ניטאָ, און עס איז ניט נידעריקער פון דער הויט, און עס איז מאַט, זאָל אים דער כּהן אײַנשליסן אויף זיבן טעג. 22 אויב אָבער שפּרייטן וועט עס זיך פאַרשפּרייטן אויף דער הויט, זאָל דער כּהן אים מאַכן פאַר אומריין; די פּלאָג איז דאָס. 23 און אויב דער פלעק שטייט אויף זיין אָרט, ער האָט זיך ניט פאַרשפּרייט, איז דאָס דער צייכן פון דעם אויסשיט, און דער כּהן זאָל אים מאַכן פאַר ריין.

24 אָדער אַ לייב, אַז אויף זיין הויט וועט זיין אַ ברען פון פייער, און דער אָנוווקס פון דעם ברען וועט ווערן אַ רויטלעך ווייסער אָדער אַ ווייסער פלעק, 25 און דער כּהן וועט עס באַקוקן, ערשט די האָר אויף דעם פלעק איז געוואָרן ווייס, און דאָס אויסזען דערפון איז טיפער פון דער הויט, איז דאָס אַ צרעת וואָס האָט אויסגעבראָכן אויפן ברען, און דער כּהן זאָל אים מאַכן פאַר אומריין; די פּלאָג פון צרעת איז דאָס. 26 אויב אָבער דער כּהן וועט עס באַקוקן, ערשט ווייסע האָר איז אויפן פלעק ניטאָ, און עס איז ניט נידעריקער פון דער הויט, און עס איז מאַט, זאָל אים דער כּהן אײַנשליסן אויף זיבן טעג. 27 און דער כּהן זאָל אים באַקוקן אויפן זיבעטן טאָג; אויב שפּרייטן האָט עס זיך פאַרשפּרייט אויף דער הויט, זאָל אים דער כּהן מאַכן פאַר אומריין; די פּלאָג פון צרעת איז דאָס. 28 אויב אָבער דער פלעק שטייט אויף זיין אָרט, עס האָט זיך ניט פאַרשפּרייט אויף דער הויט, און עס איז מאַט, איז דאָס אַ געשווילעכץ פון דעם ברען, און דער כּהן זאָל אים מאַכן פאַר ריין; וואָרום דער צייכן פון דעם ברען איז דאָס.

29 און אַ מאַן אָדער אַ פרוי, אַז ביי זיי וועט זיין אַן אויסשלאָג אויפן קאָפּ אָדער אין באָרד, 30 און דער כּהן וועט

באַקוקן דעם אויסשלאַג, ערשט דאָס אויסזען דערפֿון איז
טיפֿער פֿון דער הויט, און דערויף איז געלע דינע האָר,
זאָל דער כּהן אים מאַכן פֿאַר אומריין; שלעכטע קרעץ
איז דאָס, צרעת פֿון קאָפּ אָדער פֿון באָרד איז דאָס.
[31] און אַז דער כּהן וועט באַקוקן דעם אויסשלאַג פֿון די
שלעכטע קרעץ, ערשט זיין אויסזען איז ניט טיפֿער פֿון
דער הויט, און שוואַרצע האָר איז דערויף ניטאָ, זאָל דער
כּהן איינשליסן דעם וואָס האָט דעם אויסשלאַג פֿון די
שלעכטע קרעץ, אויף זיבן טעג. [32] און אַז דער כּהן וועט
באַקוקן דעם אויסשלאַג אויפֿן זיבעטן טאָג, ערשט די
שלעכטע קרעץ האָבן זיך ניט פֿאַרשפּרייט, און געלע
האָר איז דערויף ניטאָ, און דאָס אויסזען פֿון די שלעכטע
קרעץ איז ניט טיפֿער פֿון דער הויט, [33] זאָל ער זיך אָפּ־
גאָלן, און די שלעכטע קרעץ זאָל ער ניט אָפּגאָלן; און
דער כּהן זאָל איינשליסן דעם וואָס האָט די שלעכטע
קרעץ אַ צווייט מאָל אויף זיבן טעג. [34] און אַז דער כּהן
וועט באַקוקן די שלעכטע קרעץ אויפֿן זיבעטן טאָג,
ערשט די שלעכטע קרעץ האָבן זיך ניט פֿאַרשפּרייט אויף
דער הויט, און זייער אויסזען איז ניט טיפֿער פֿון דער
הויט, זאָל אים דער כּהן מאַכן פֿאַר ריין; און ער זאָל
וואַשן זיינע קליידער, און זיין ריין. [35] אויב אָבער
שפּרייטן וועלן זיך פֿאַרשפּרייטן די שלעכטע קרעץ אויף
דער הויט נאָך זיין ריייניקונג, [36] און דער כּהן וועט אים
באַקוקן, ערשט די שלעכטע קרעץ האָבן זיך פֿאַרשפּרייט
אויף דער הויט, דאַרף דער כּהן ניט זוכן קיין געלע האָר:
ער איז אומריין. [37] אויב אָבער די שלעכטע קרעץ זיינען
געבליבן ביי זייער אויסזען, און שוואַרצע האָר איז אויס־
געוואַקסן דערויף, זיינען די שלעכטע קרעץ פֿאַרהיילט; ער איז ריין, און דער כּהן זאָל אים מאַכן פֿאַר ריין.

[38] און אַ מאַן אָדער אַ פֿרוי, אַז אויף דער הויט פֿון זייער לייב וועלן זיין פֿלעקן, ווייסע פֿלעקן, [39] און דער כּהן וועט אַ קוק טאָן, ערשט די פֿלעקן אויף דער הויט פֿון זייער לייב זיינען מאַט ווייס, איז דאָס אַ לישאַי וואָס האָט אויסגעבראָכן אויף דער הויט; ער איז ריין.

[40] און אַ מאַן, אַז זיין קאָפּ וועט אויסקריכן, האָט ער אַ פּליך; ער איז ריין. [41] און אויב זיין קאָפּ וועט אויסקריכן צו דער זייט פֿון זיין פּנים, האָט ער אַ פֿאָדערפּליך; ער איז ריין. [42] אויב אָבער אויף דעם הינטערפּליך אָדער אויף דעם פֿאָדערפּליך וועט זיין אַ רויטלעך ווייסער אויסשלאַג, איז דאָס אַ צרעת וואָס ברעכט אויס אויף זיין פֿאָדערפּליך אָדער אויף זיין הינטערפּליך. [43] און אַז דער כּהן וועט אים באַקוקן, ערשט די געשווילעכץ פֿון דעם אויסשלאַג איז רויטלעך ווייס אויף זיין הינטערפּליך אָדער אויף זיין פֿאָדערפּליך, אַזוי ווי דאָס אויסזען פֿון צרעת אויף דער הויט פֿון לייב, [44] איז ער אַ מאַן אַ מצורע; אומריין איז ער; פֿאַר אומריין זאָל אים מאַכן דער כּהן; ער האָט די פּלאָג אויף זיין קאָפּ.

[45] און דער מצורע וואָס די פּלאָג איז אויף אים, זיינע קליידער זאָלן זיין צעריסן, און זיין קאָפּ זאָל זיין פֿאַר־וואַקסן, און זיין אויבערשטע ליפּ זאָל ער פֿאַרדעקן, און „טמא! טמא!" זאָל ער אויסרופֿן. [46] אַלע טעג וואָס די פּלאָג איז אויף אים, זאָל ער זיין אומריין; אומריין איז ער; אַליין זאָל ער זיצן, אויסן לאַגער זאָל זיין זיין וווינונג.

[47] און אַז די פּלאָג פֿון צרעת וועט זיין אין אַ בגד, אין אַ וואָלענעם בגד, אָדער אין אַ פֿלאַקסענעם

הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּגַע וְהִנֵּה מַרְאֵהוּ עָמֹק מִן־הָעוֹר וּבוֹ שֵׂעָר
צָהֹב דָּק וְטִמֵּא אֹתוֹ הַכֹּהֵן נֶתֶק הוּא צָרַעַת הָרֹאשׁ אוֹ
לא הַזָּקָן הוּא׃ וְכִי־יִרְאֶה הַכֹּהֵן אֶת־נֶגַע הַנֶּתֶק וְהִנֵּה אֵין
מַרְאֵהוּ עָמֹק מִן־הָעוֹר וְשֵׂעָר שָׁחֹר אֵין בּוֹ וְהִסְגִּיר הַכֹּהֵן
לב אֶת־נֶגַע הַנֶּתֶק שִׁבְעַת יָמִים׃ וְרָאָה הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּגַע בַּיּוֹם
הַשְּׁבִיעִי וְהִנֵּה לֹא־פָשָׂה הַנֶּתֶק וְלֹא־הָיָה בוֹ שֵׂעָר צָהֹב
לג וּמַרְאֵה הַנֶּתֶק אֵין עָמֹק מִן־הָעוֹר׃ וְהִתְגַּלָּח וְאֶת־הַנֶּתֶק
לֹא יְגַלֵּחַ וְהִסְגִּיר הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּתֶק שִׁבְעַת יָמִים שֵׁנִית׃
לד וְרָאָה הַכֹּהֵן אֶת־הַנֶּתֶק בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וְהִנֵּה לֹא־פָשָׂה
הַנֶּתֶק בָּעוֹר וּמַרְאֵהוּ אֵינֶנּוּ עָמֹק מִן־הָעוֹר וְטִהַר אֹתוֹ
לה הַכֹּהֵן וְכִבֶּס בְּגָדָיו וְטָהֵר׃ וְאִם־פָּשֹׂה יִפְשֶׂה הַנֶּתֶק בָּעוֹר
לו אַחֲרֵי טָהֳרָתוֹ׃ וְרָאָהוּ הַכֹּהֵן וְהִנֵּה פָּשָׂה הַנֶּתֶק בָּעוֹר
לז לֹא־יְבַקֵּר הַכֹּהֵן לַשֵּׂעָר הַצָּהֹב טָמֵא הוּא׃ וְאִם־בְּעֵינָיו
עָמַד הַנֶּתֶק וְשֵׂעָר שָׁחֹר צָמַח־בּוֹ נִרְפָּא הַנֶּתֶק טָהוֹר הוּא
לח וְטִהֲרוֹ הַכֹּהֵן׃ ס וְאִישׁ אוֹ־אִשָּׁה כִּי־יִהְיֶה בְעוֹר־בְּשָׂרָם
לט בֶּהָרֹת בֶּהָרֹת לְבָנֹת׃ וְרָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה בְעוֹר־בְּשָׂרָם
בֶּהָרֹת כֵּהוֹת לְבָנֹת בֹּהַק הוּא פָּרַח בָּעוֹר טָהוֹר הוּא׃ ס
ששי (שלי) מא וְאִישׁ כִּי יִמָּרֵט רֹאשׁוֹ קֵרֵחַ הוּא טָהוֹר הוּא׃ וְאִם מִפְּאַת
מב פָּנָיו יִמָּרֵט רֹאשׁוֹ גִּבֵּחַ הוּא טָהוֹר הוּא׃ וְכִי־יִהְיֶה בַקָּרַחַת
אוֹ בַגַּבַּחַת נֶגַע לָבָן אֲדַמְדָּם צָרַעַת פֹּרַחַת הִוא בְּקָרַחְתּוֹ
מג אוֹ בְגַבַּחְתּוֹ׃ וְרָאָה אֹתוֹ הַכֹּהֵן וְהִנֵּה שְׂאֵת־הַנֶּגַע לְבָנָה
אֲדַמְדֶּמֶת בְּקָרַחְתּוֹ אוֹ בְגַבַּחְתּוֹ כְּמַרְאֵה צָרַעַת עוֹר בָּשָׂר׃
מד אִישׁ־צָרוּעַ הוּא טָמֵא הוּא טַמֵּא יְטַמְּאֶנּוּ הַכֹּהֵן בְּרֹאשׁוֹ
מה נִגְעוֹ׃ וְהַצָּרוּעַ אֲשֶׁר־בּוֹ הַנֶּגַע בְּגָדָיו יִהְיוּ פְרֻמִים וְרֹאשׁוֹ
מו יִהְיֶה פָרוּעַ וְעַל־שָׂפָם יַעְטֶה וְטָמֵא ׀ טָמֵא יִקְרָא׃ כָּל־יְמֵי
אֲשֶׁר הַנֶּגַע בּוֹ יִטְמָא טָמֵא הוּא בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה
מז מוֹשָׁבוֹ׃ ס וְהַבֶּגֶד כִּי־יִהְיֶה בוֹ נֶגַע צָרַעַת בְּבֶגֶד צֶמֶר

לג׳ ג׳ רבתי

מח אוֹ בְּבֶגֶד פִּשְׁתִּים: אוֹ בִשְׁתִי אוֹ בְעֵרֶב לַפִּשְׁתִּים וְלַצָּמֶר
מט אוֹ בְעוֹר אוֹ בְּכָל־מְלֶאכֶת עוֹר: וְהָיָה הַנֶּגַע יְרַקְרַק ׀ אוֹ
אֲדַמְדָּם בַּבֶּגֶד אוֹ בָעוֹר אוֹ־בַשְּׁתִי אוֹ־בָעֵרֶב אוֹ בְכָל־כְּלִי־
נ עוֹר נֶגַע צָרַעַת הוּא וְהָרְאָה אֶת־הַכֹּהֵן: וְרָאָה הַכֹּהֵן אֶת־
נא הַנָּגַע וְהִסְגִּיר אֶת־הַנֶּגַע שִׁבְעַת יָמִים: וְרָאָה אֶת־הַנֶּגַע
בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי כִּי־פָשָׂה הַנֶּגַע בַּבֶּגֶד אוֹ־בַשְּׁתִי אוֹ־בָעֵרֶב
אוֹ בָעוֹר לְכֹל אֲשֶׁר־יֵעָשֶׂה הָעוֹר לִמְלָאכָה צָרַעַת מַמְאֶרֶת
נב הַנֶּגַע טָמֵא הוּא: וְשָׂרַף אֶת־הַבֶּגֶד אוֹ אֶת־הַשְּׁתִי ׀ אוֹ אֶת־
הָעֵרֶב בַּצֶּמֶר אוֹ בַפִּשְׁתִּים אוֹ אֶת־כָּל־כְּלִי הָעוֹר אֲשֶׁר־
נג יִהְיֶה בוֹ הַנָּגַע כִּי־צָרַעַת מַמְאֶרֶת הִוא בָּאֵשׁ תִּשָּׂרֵף: וְאִם
יִרְאֶה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה לֹא־פָשָׂה הַנֶּגַע בַּבֶּגֶד אוֹ בַשְּׁתִי אוֹ
נד בָעֵרֶב אוֹ בְּכָל־כְּלִי־עוֹר: וְצִוָּה הַכֹּהֵן וְכִבְּסוּ אֵת אֲשֶׁר־
שב׳ (רב׳) בּוֹ הַנָּגַע וְהִסְגִּירוֹ שִׁבְעַת־יָמִים שֵׁנִית: וְרָאָה הַכֹּהֵן אַחֲרֵי ׀
הֻכַּבֵּס אֶת־הַנֶּגַע וְהִנֵּה לֹא־הָפַךְ הַנֶּגַע אֶת־עֵינוֹ וְהַנֶּגַע לֹא־
פָשָׂה טָמֵא הוּא בָּאֵשׁ תִּשְׂרְפֶנּוּ פְּחֶתֶת הִוא בְּקָרַחְתּוֹ אוֹ
נו בְגַבַּחְתּוֹ: וְאִם רָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה כֵּהָה הַנֶּגַע אַחֲרֵי הֻכַּבֵּס
אֹתוֹ וְקָרַע אֹתוֹ מִן־הַבֶּגֶד אוֹ מִן־הָעוֹר אוֹ מִן־הַשְּׁתִי אוֹ
מפ׳ מִן־הָעֵרֶב: וְאִם־תֵּרָאֶה עוֹד בַּבֶּגֶד אוֹ־בַשְּׁתִי אוֹ־בָעֵרֶב
אוֹ בְכָל־כְּלִי־עוֹר פֹּרַחַת הִוא בָּאֵשׁ תִּשְׂרְפֶנּוּ אֵת אֲשֶׁר־
נח בּוֹ הַנָּגַע: וְהַבֶּגֶד אוֹ־הַשְּׁתִי אוֹ־הָעֵרֶב אוֹ־כָל־כְּלִי הָעוֹר
נט אֲשֶׁר תְּכַבֵּס וְסָר מֵהֶם הַנָּגַע וְכֻבַּס שֵׁנִית וְטָהֵר: זֹאת
תּוֹרַת נֶגַע־צָרַעַת בֶּגֶד הַצֶּמֶר ׀ אוֹ הַפִּשְׁתִּים אוֹ הַשְּׁתִי אוֹ
הָעֵרֶב אוֹ כָּל־כְּלִי־עוֹר לְטַהֲרוֹ אוֹ לְטַמְּאוֹ: פ

בגד, 48 אָדער אין גרונטוועב, אָדער אין דורכוואַרף, פון פלאַקס, צי פון וואָל, אָדער אין אַ פעל, אָדער אין וואָסער עס איז אַרבעט פון פעל; 49 און דער אויסשלאָג וועט זיין גרינלעך אָדער רויטלעך אין דעם בגד, אָדער אין דעם פעל, אָדער אין דעם גרונטוועב, אָדער אין דעם דורכוואַרף, אָדער אין וואָסער עס איז זאַך פון פעל, איז דאָס די פלאָג פון צרעת, און עס זאָל באַוויזן ווערן צום כהן. 50 און אַז דער כהן וועט באַקוקן דעם אויסשלאָג, זאָל ער אײַנשליסן דאָס וואָס האָט דעם אויסשלאָג, אויף זיבן טעג. 51 און אַז ער וועט זען דעם אויסשלאָג אויפן זיבעטן טאָג, אַז דער אויסשלאָג האָט זיך פאַרשפרייט אין דעם בגד, אָדער אין דעם גרונטוועב, אָדער אין דעם דורכוואַרף, אָדער אין דעם פעל—וואָס נאָר פאַר אַן אַרבעט עס איז געמאַכט פון פעל—איז דער אויסשלאָג אַן עסיקע צרעת; אומריין איז ער. 52 און מע זאָל פאַרברענען דעם בגד, אָדער דעם גרונטוועב, אָדער דעם דורכוואַרף, פון וואָל צי פון פלאַקס, אָדער וואָס נאָר פאַר אַ זאַך פון פעל וואָס דער אויסשלאָג וועט זיין דערין; וואָרום אַן עסיקע צרעת איז דאָס; אין פייער מוז עס פאַרברענט ווערן. 53 אויב אָבער דער כהן וועט זען, ערשט דער אויסשלאָג האָט זיך ניט פאַרשפרייט אין דעם בגד, אָדער אין דעם גרונטוועב, אָדער אין דעם דורכוואַרף, אָדער אין וואָסער עס איז זאַך פון פעל, 54 זאָל דער כהן הייסן מע זאָל וואַשן דאָס וואָס דער אויסשלאָג איז דערין, און ער זאָל עס אײַנשליסן אַ צווייט מאָל אויף זיבן טעג. 55 און אַז דער כהן וועט זען, נאָכדעם ווי מע האָט געוואַשן דעם אויסשלאָג, ערשט דער אויסשלאָג האָט ניט געביטן זיין אָנבליק, הגם דער אויסשלאָג האָט זיך ניט פאַרשפרייט, איז דאָס אומריין; אין פייער זאָלסטו עס פאַרברענען. אַן אויסעסונג איז דאָס, סיי דאָס איז אויף דער לינקער זייט, סיי אויף דער רעכטער. 56 און אויב דער כהן וועט זען, ערשט דער אויסשלאָג איז געוואָרן מאַט נאָכדעם ווי מע האָט אים געוואַשן, זאָל ער אים אַראָפרייסן פון דעם בגד, אָדער פון דעם פעל, אָדער פון דעם גרונטוועב, אָדער פון דעם דורכוואַרף. 57 און אויב ער וועט זיך ווידער באַווייזן אין דעם בגד, אָדער אין דעם גרונטוועב, אָדער אין דעם דורכוואַרף, אָדער אין וואָסער עס איז זאַך פון פעל—ברעכט דאָס אויס; זאָלסטו אין פייער פאַרברענען דאָס וואָס דער אויסשלאָג איז דערין. 58 און דער בגד, אָדער דער גרונטוועב, אָדער דער דורכוואַרף, אָדער וואָסער עס איז זאַך פון פעל, וואָס דו וועסט וואַשן און דער אויסשלאָג וועט זיך אָפּטאָן דערפון, זאָל געוואַשן ווערן אַ צווייט מאָל, און זיין ריין.

59 דאָס איז דער דין פון דער פלאָג פון צרעת אין אַ בגד פון וואָל אָדער פלאַקס, אָדער אין גרונטוועב, אָדער אין דורכוואַרף, אָדער אין וואָסער עס איז זאַך פון פעל, דאָס צו מאַכן פאַר ריין, אָדער דאָס צו מאַכן פאַר אומריין.

# מְצוֹרָע

יד

א וַיְדַבֵּר יְהֹוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר: זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע
ב בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל־הַכֹּהֵן: וְיָצָא הַכֹּהֵן אֶל־מִחוּץ
ג לַמַּחֲנֶה וְרָאָה הַכֹּהֵן וְהִנֵּה נִרְפָּא נֶגַע־הַצָּרַעַת מִן־הַצָּרוּעַ:

יד 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 דאָס זאָל זיין דער דין פון מצורע אין טאָג פון זיין רייניקונג: ער זאָל געבראַכט ווערן צום כהן. 3 און דער כהן זאָל אַרויסגיין אויסן לאַגער, און אַז דער כהן וועט זען, ערשט די פלאָג פון צרעת איז פאַרהיילט אויפן מצורע,

יג, מט׳ קמץ ברביע

ד וְצִוָּה הַכֹּהֵן וְלָקַח לַמִּטַּהֵר שְׁתֵּי־צִפֳּרִים חַיּוֹת טְהֹרוֹת
ה וְעֵץ אֶרֶז וּשְׁנִי תוֹלַעַת וְאֵזֹב׃ וְצִוָּה הַכֹּהֵן וְשָׁחַט אֶת־
ו הַצִּפּוֹר הָאֶחָת אֶל־כְּלִי־חֶרֶשׂ עַל־מַיִם חַיִּים׃ אֶת־הַצִּפֹּר
הַחַיָּה יִקַּח אֹתָהּ וְאֶת־עֵץ הָאֶרֶז וְאֶת־שְׁנִי הַתּוֹלַעַת וְאֶת־
הָאֵזֹב וְטָבַל אוֹתָם וְאֵת הַצִּפֹּר הַחַיָּה בְּדַם הַצִּפֹּר הַשְּׁחֻטָה
ז עַל הַמַּיִם הַחַיִּים׃ וְהִזָּה עַל הַמִּטַּהֵר מִן־הַצָּרַעַת שֶׁבַע
פְּעָמִים וְטִהֲרוֹ וְשִׁלַּח אֶת־הַצִּפֹּר הַחַיָּה עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה׃
ח וְכִבֶּס הַמִּטַּהֵר אֶת־בְּגָדָיו וְגִלַּח אֶת־כָּל־שְׂעָרוֹ וְרָחַץ בַּמַּיִם
וְטָהֵר וְאַחַר יָבוֹא אֶל־הַמַּחֲנֶה וְיָשַׁב מִחוּץ לְאָהֳלוֹ שִׁבְעַת
ט יָמִים׃ וְהָיָה בַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יְגַלַּח אֶת־כָּל־שְׂעָרוֹ אֶת־רֹאשׁוֹ
וְאֶת־זְקָנוֹ וְאֵת גַּבֹּת עֵינָיו וְאֶת־כָּל־שְׂעָרוֹ יְגַלֵּחַ וְכִבֶּס אֶת־
י בְּגָדָיו וְרָחַץ אֶת־בְּשָׂרוֹ בַּמַּיִם וְטָהֵר׃ וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִקַּח
שְׁנֵי־כְבָשִׂים תְּמִימִם וְכַבְשָׂה אַחַת בַּת־שְׁנָתָהּ תְּמִימָה
וּשְׁלֹשָׁה עֶשְׂרֹנִים סֹלֶת מִנְחָה בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן וְלֹג אֶחָד
יא שָׁמֶן׃ וְהֶעֱמִיד הַכֹּהֵן הַמְטַהֵר אֵת הָאִישׁ הַמִּטַּהֵר וְאֹתָם
יב לִפְנֵי יְהוָה פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן אֶת־הַכֶּבֶשׂ
הָאֶחָד וְהִקְרִיב אֹתוֹ לְאָשָׁם וְאֶת־לֹג הַשָּׁמֶן וְהֵנִיף אֹתָם
שני תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה׃ וְשָׁחַט אֶת־הַכֶּבֶשׂ בִּמְקוֹם אֲשֶׁר
יִשְׁחַט אֶת־הַחַטָּאת וְאֶת־הָעֹלָה בִּמְקוֹם הַקֹּדֶשׁ כִּי כַּחַטָּאת
יד הָאָשָׁם הוּא לַכֹּהֵן קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הוּא׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן מִדַּם
הָאָשָׁם וְנָתַן הַכֹּהֵן עַל־תְּנוּךְ אֹזֶן הַמִּטַּהֵר הַיְמָנִית וְעַל־
טו בֹּהֶן יָדוֹ הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן רַגְלוֹ הַיְמָנִית׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן
טז מִלֹּג הַשָּׁמֶן וְיָצַק עַל־כַּף הַכֹּהֵן הַשְּׂמָאלִית׃ וְטָבַל הַכֹּהֵן
אֶת־אֶצְבָּעוֹ הַיְמָנִית מִן־הַשֶּׁמֶן אֲשֶׁר עַל־כַּפּוֹ הַשְּׂמָאלִית
יז וְהִזָּה מִן־הַשֶּׁמֶן בְּאֶצְבָּעוֹ שֶׁבַע פְּעָמִים לִפְנֵי יְהוָה׃ וּמִיֶּתֶר
הַשֶּׁמֶן אֲשֶׁר עַל־כַּפּוֹ יִתֵּן הַכֹּהֵן עַל־תְּנוּךְ אֹזֶן הַמִּטַּהֵר
הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן יָדוֹ הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן רַגְלוֹ הַיְמָנִית עַל
יח דַּם הָאָשָׁם׃ וְהַנּוֹתָר בַּשֶּׁמֶן אֲשֶׁר עַל־כַּף הַכֹּהֵן יִתֵּן עַל־

[4] זאָל דער כּהן הייסן מע זאָל נעמען פאַר דעם וואָס רייניקט זיך צוויי לעבעדיקע ריינע פויגלען, און צעדער־האָלץ, און ווערמילרויט, און אזוב־גראָז. [5] און דער כּהן זאָל הייסן מע זאָל שעכטן איין פויגל אין אַ ליימענער כּלי איבער לעבעדיקע וואַסער. [6] דעם לעבעדיקן פויגל, אים זאָל ער נעמען, און דאָס צעדערהאָלץ, און דאָס ווערמילרויט, און דאָס אזוב־גראָז, און איינטונקען זיי און דעם לעבעדיקן פויגל אין דעם בלוט פון דעם פויגל וואָס איז געשאָכטן געוואָרן איבערן לעבעדיקן וואַסער. [7] און ער זאָל שפּריצן אויף דעם וואָס רייניקט זיך פון דער צרעת, זיבן מאָל, און אים מאַכן ריין; און ער זאָל אַוועקלאָזן דעם לעבעדיקן פויגל אויפן פרייען פעלד. [8] און דער וואָס רייניקט זיך, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און אָפּגאָלן זיינע גאַנצע האָר, און זיך באָדן אין וואַסער, און ווערן ריין; און דערנאָך מעג ער אַריינקומען אין לאַגער, אָבער ער זאָל זיצן דרויסן פון זיין געצעלט זיבן טעג. [9] און עס זאָל זיין אויפן זיבעטן טאָג, זאָל ער אָפּגאָלן זיינע גאַנצע האָר, זיין קאָפּ, און זיין באָרד, און די ברעמען פון זיינע אויגן–זיינע גאַנצע האָר זאָל ער אָפּגאָלן; און ער זאָל וואַשן זיינע קליידער, און באָדן זיין לייב אין וואַסער, און זיין ריין. [10] און אויפן אַכטן טאָג זאָל ער נעמען צוויי שעפּסן אָן אַ פעלער, און איין שאָף אַ יאָריקע אָן אַ פעלער, און דריי צענטל זעמלמעל פאַר אַ שפּייזאָפּפער, פאַרמישט מיט אייל, און איין לוג אייל. [11] און דער כּהן וואָס רייניקט, זאָל אַוועקשטעלן דעם מאַן וואָס רייניקט זיך, און זיי, פאַר גאָט, ביים איינגאַנג פון אוהל־מועד. [12] און דער כּהן זאָל נעמען איין שעפּס און אים ברענגען פאַר אַ שולדאָפּפער מיט דעם לוג אייל, און ער זאָל זיי אויפהייבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט. [13] און ער זאָל שעכטן דעם שעפּס אין דעם אָרט ווו מע שעכט דאָס זינדאָפּפער און דאָס בראַנדאָפּפער, אין אַ הייליקן אָרט; וואָרום אַזוי ווי דאָס זינדאָפּפער איז דאָס שולדאָפּפער פאַרן כּהן; אַ הייליקסטע הייליקייט איז דאָס. [14] און דער כּהן זאָל נעמען פון דעם בלוט פון שולדאָפּפער, און דער כּהן זאָל אַרויפטאָן אויפן רעכטן אויערלעפּל פון דעם וואָס רייניקט זיך, און אויפן דוימען פון זיין רעכטער האַנט, און אויפן דוימען פון זיין רעכטן פוס. [15] און דער כּהן זאָל נעמען פון דעם לוג אייל, און אַרויפגיסן אויף דער לינקער האַנטפלעך פון כּהן. [16] און דער כּהן זאָל איינטונקען זיין רעכטן פינגער אין דעם אייל וואָס אויף זיין לינקער האַנטפלעך, און שפּריצן פון דעם אייל מיט זיין פינגער זיבן מאָל פאַר גאָט. [17] און פון דעם רעשט אייל וואָס אויף זיין האַנטפלעך זאָל דער כּהן אַרויפטאָן אויפן רעכטן אויער־לעפּל פון דעם וואָס רייניקט זיך, און אויפן דוימען פון זיין רעכטער האַנט, און אויפן דוימען פון זיין רעכטן פוס, איבערן בלוט פון שולדאָפּפער. [18] און וואָס בלייבט איבער פון דעם אייל וואָס אויף דעם כּהנס האַנטפלעך, זאָל ער אַרויפטאָן

רֹאשׁ הַמִּטַּהֵר וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן לִפְנֵי יְהֹוָה׃ וְעָשָׂה הַכֹּהֵן יט
אֶת־הַחַטָּאת וְכִפֶּר עַל־הַמִּטַּהֵר מִטֻּמְאָתוֹ וְאַחַר יִשְׁחַט
אֶת־הָעֹלָה׃ וְהֶעֱלָה הַכֹּהֵן אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־הַמִּנְחָה הַמִּזְבֵּחָה כ
וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן וְטָהֵר׃ ס וְאִם־דַּל הוּא וְאֵין יָדוֹ שני (חמשי) כא
מַשֶּׂגֶת וְלָקַח כֶּבֶשׂ אֶחָד אָשָׁם לִתְנוּפָה לְכַפֵּר עָלָיו וְעִשָּׂרוֹן
סֹלֶת אֶחָד בָּלוּל בַּשֶּׁמֶן לְמִנְחָה וְלֹג שָׁמֶן׃ וּשְׁתֵּי תֹרִים כב
אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה אֲשֶׁר תַּשִּׂיג יָדוֹ וְהָיָה אֶחָד חַטָּאת וְהָאֶחָד
עֹלָה׃ וְהֵבִיא אֹתָם בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי לְטָהֳרָתוֹ אֶל־הַכֹּהֵן כג
אֶל־פֶּתַח אֹהֶל־מוֹעֵד לִפְנֵי יְהֹוָה׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן אֶת־כֶּבֶשׂ כד
הָאָשָׁם וְאֶת־לֹג הַשָּׁמֶן וְהֵנִיף אֹתָם הַכֹּהֵן תְּנוּפָה לִפְנֵי
יְהֹוָה׃ וְשָׁחַט אֶת־כֶּבֶשׂ הָאָשָׁם וְלָקַח הַכֹּהֵן מִדַּם הָאָשָׁם כה
וְנָתַן עַל־תְּנוּךְ אֹזֶן־הַמִּטַּהֵר הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן יָדוֹ הַיְמָנִית
וְעַל־בֹּהֶן רַגְלוֹ הַיְמָנִית׃ וּמִן־הַשֶּׁמֶן יִצֹק הַכֹּהֵן עַל־כַּף כו
הַכֹּהֵן הַשְּׂמָאלִית׃ וְהִזָּה הַכֹּהֵן בְּאֶצְבָּעוֹ הַיְמָנִית מִן־הַשֶּׁמֶן כז
אֲשֶׁר עַל־כַּפּוֹ הַשְּׂמָאלִית שֶׁבַע פְּעָמִים לִפְנֵי יְהֹוָה׃ וְנָתַן כח
הַכֹּהֵן מִן־הַשֶּׁמֶן ׀ אֲשֶׁר עַל־כַּפּוֹ עַל־תְּנוּךְ אֹזֶן הַמִּטַּהֵר
הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן יָדוֹ הַיְמָנִית וְעַל־בֹּהֶן רַגְלוֹ הַיְמָנִית עַל־
מְקוֹם דַּם הָאָשָׁם׃ וְהַנּוֹתָר מִן־הַשֶּׁמֶן אֲשֶׁר עַל־כַּף הַכֹּהֵן כט
יִתֵּן עַל־רֹאשׁ הַמִּטַּהֵר לְכַפֵּר עָלָיו לִפְנֵי יְהֹוָה׃ וְעָשָׂה ל
אֶת־הָאֶחָד מִן־הַתֹּרִים אוֹ מִן־בְּנֵי הַיּוֹנָה מֵאֲשֶׁר תַּשִּׂיג יָדוֹ׃
אֵת אֲשֶׁר־תַּשִּׂיג יָדוֹ אֶת־הָאֶחָד חַטָּאת וְאֶת־הָאֶחָד עֹלָה לא
עַל־הַמִּנְחָה וְכִפֶּר הַכֹּהֵן עַל הַמִּטַּהֵר לִפְנֵי יְהֹוָה׃ זֹאת תּוֹרַת לב
אֲשֶׁר־בּוֹ נֶגַע צָרָעַת אֲשֶׁר לֹא־תַשִּׂיג יָדוֹ בְּטָהֳרָתוֹ׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהֹוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר׃ כִּי תָבֹאוּ אֶל־ שלי (ששי) לג לד
אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם לַאֲחֻזָּה וְנָתַתִּי נֶגַע צָרַעַת
בְּבֵית אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם׃ וּבָא אֲשֶׁר־לוֹ הַבַּיִת וְהִגִּיד לַכֹּהֵן לה
לֵאמֹר כְּנֶגַע נִרְאָה לִי בַּבָּיִת׃ וְצִוָּה הַכֹּהֵן וּפִנּוּ אֶת־הַבַּיִת לו
בְּטֶרֶם יָבֹא הַכֹּהֵן לִרְאוֹת אֶת־הַנֶּגַע וְלֹא יִטְמָא כָּל־אֲשֶׁר

אויפן קאָפּ פון דעם וואָס רייניקט זיך; און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף אים פאַר גאָט. 19 און דער כּהן זאָל מאַכן דאָס זינדאָפּפער, און מכפּר זיין אויף דעם וואָס רייניקט זיך פון זיין אומרייניקייט; און דערנאָך זאָל ער שעכטן דאָס בראַנדאָפּפער. 20 און דער כּהן זאָל אויפברענגען דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס שפּייזאָפּפער אויפן מזבח; און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף אים, און ער וועט זיין ריין.

21 און אויב ער איז אָרים, און זיין האַנט פאַרמאָגט ניט, זאָל ער נעמען איין שעפּס, אַ שולדאָפּפער, פאַר אַן אויפהייבונג, מכפּר צו זיין אויף אים, און איין צענטל זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייזאָפּפער, און אַ לוג אייל; 22 און צוויי טורטלטויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן, לויט ווי זיין האַנט פאַרמאָגט; און איינע זאָל זיין אַ זינדאָפּפער, און איינע אַ בראַנדאָפּפער. 23 און ער זאָל זיי ברענגען אויפן אַכטן טאָג פון זיין רייניקונג צום כּהן, צום איינגאַנג פון אוהל־מועד, פאַר גאָט. 24 און דער כּהן זאָל נעמען דעם שעפּס פון שולדאָפּפער, און דעם לוג אייל, און דער כּהן זאָל זיי אויפהייבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט. 25 און ער זאָל שעכטן דעם שעפּס פון שולדאָפּפער; און דער כּהן זאָל נעמען פון דעם בלוט פון שולדאָפּפער, און אַרויפטאָן אויפן רעכטן אויערלעפּל פון דעם וואָס רייניקט זיך, און אויפן דוימען פון זיין רעכטער האַנט, און אויפן דוימען פון זיין רעכטן פוס. 26 און פון דעם אייל זאָל דער כּהן אַרויפגיסן אויף דער לינקער האַנטפלעך פון כּהן. 27 און דער כּהן זאָל שפּריצן מיט זיין רעכטן פינגער פון דעם אייל וואָס אויף זיין לינקער האַנטפלעך, זיבן מאָל פאַר גאָט. 28 און דער כּהן זאָל אַרויפטאָן פון דעם אייל וואָס אויף זיין האַנטפלעך אויפן רעכטן אויערלעפּל פון דעם וואָס רייניקט זיך, און אויפן דוימען פון זיין רעכטער האַנט, און אויפן דוימען פון זיין רעכטן פוס, אין דעם אָרט פון דעם בלוט פון שולדאָפּפער. 29 און וואָס בלייבט איבער פון דעם אייל וואָס אויף דעם כּהנס האַנטפלעך, זאָל ער אַרויפטאָן אויפן קאָפּ פון דעם וואָס רייניקט זיך, מכפּר צו זיין אויף אים פאַר גאָט. 30 און ער זאָל מאַכן איינע פון די טורטלטויבן, אָדער פון די יונגע טויבן–פון וואָס זיין האַנט פאַרמאָגט; 31 אַזוי ווי זיין האַנט פאַרמאָגט–איינע פאַר אַ זינדאָפּפער, און איינע פאַר אַ בראַנדאָפּפער, מיט דעם שפּייזאָפּפער; און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף דעם וואָס רייניקט זיך פאַר גאָט.

32 דאָס איז דער דין פון דעם וואָס אויף אים איז די פּלאָג פון צרעת, וואָס זיין האַנט פאַרמאָגט ניט ביי זיין רייניקונג.

33 און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן:

34 אַז איר וועט קומען אין לאַנד כּנען וואָס איך גיב אייך צום אייגנטום, און איך וועל ברענגען אַ פּלאָג פון צרעת אין אַ הויז פון דעם לאַנד פון אייער אייגנטום, 35 זאָל קומען דער וואָס דאָס הויז געהערט צו אים, און ער זאָל דערציילן דעם כּהן, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי אַן אויסשלאַג ווייזט מיר אויס אין הויז. 36 און דער כּהן זאָל הייסן מע זאָל אויסראַמען דאָס הויז איידער דער כּהן וועט קומען באַקוקן דעם אויסשלאַג, כּדי אַלץ וואָס אין הויז זאָל ניט ווערן אומריין;

און דערנאָך זאָל דער כּהן קומען באַקוקן דאָס הויז. 37 און אַז ער וועט באַקוקן דעם אויסשלאָג, ערשט דער אויסשלאָג אויף די ווענט פון הויז איז גרינלעכע און רויט־לעכע גריבלעך, און זייער אויסזען איז נידעריקער פון דער וואַנט, 38 זאָל דער כּהן אַרויסגיין פון הויז אין אײַנגאַנג פון הויז, און פאַרשליסן דאָס הויז אויף זיבן טעג. 39 און דער כּהן זאָל צוריקקומען אויפן זיבעטן טאָג, און אַז ער וועט זען, ערשט דער אויסשלאָג האָט זיך פאַר־שפּרייט אויף די ווענט פון הויז, 40 זאָל דער כּהן הייסן מע זאָל אַרויסנעמען די שטיינער וואָס אויף זיי איז דער אויסשלאָג, און מע זאָל זיי אַוועקוואַרפן אויסן שטאָט אין אַן אומריינעם אָרט. 41 און דאָס הויז זאָל ער לאָזן אַרומ־האַקן פון אינעווייניק רונד אַרום, און די ליים וואָס מע האַקט אויס, זאָל מען אויסשיטן אויסן שטאָט אין אַן אומ־ריינעם אָרט. 42 און מע זאָל נעמען אַנדערע שטיינער, און אַרײַנשטעלן אויף דעם אָרט פון יענע שטיינער, און מע זאָל נעמען אַנדערע ליים, און פאַרקלעפּן דאָס הויז. 43 און אויב דער אויסשלאָג וועט ווידער אויסברעכן אין הויז נאָכדעם ווי מע האָט אַרויסגענומען די שטיינער, און נאָכן אַרומהאַקן דאָס הויז, און נאָכן פאַרקלעפּן, 44 און דער כּהן וועט קומען און זען, ערשט דער אויסשלאָג האָט זיך פאַרשפּרייט אין הויז, איז דאָס אַן עסיקע צרעת אין הויז; אומריין איז דאָס. 45 און מע זאָל צעברעכן דאָס הויז, זײַנע שטיינער, און זײַן האָלץ, און די גאַנצע ליים פון הויז, און אַרויסטראָגן אויסן שטאָט אין אַן אומ־ריינעם אָרט. 46 און דער וואָס קומט אַרײַן אין הויז אַלע טעג וואָס מע האַלט עס אָפּגעשלאָסן, זאָל זײַן אומריין ביזן אָוונט. 47 און דער וואָס ליגט אין דעם הויז, זאָל וואַשן זײַנע קליידער; און דער וואָס עסט אין דעם הויז, זאָל וואַשן זײַנע קליידער. 48 און אויב קומען וועט קומען דער כּהן און וועט זען, ערשט דער אויסשלאָג האָט זיך ניט פאַרשפּרייט אין הויז נאָכן פאַרקלעפּן דאָס הויז, זאָל דער כּהן מאַכן דאָס הויז פאַר ריין, וואָרום דער אויסשלאָג האָט זיך פאַרהיילט. 49 און ער זאָל נעמען אויף צו רייניקן דאָס הויז, צוויי פויגלען, און צעדערהאָלץ, און ווערמילרויט, און אֵזוב־גראָז. 50 און ער זאָל שעכטן איין פויגל אין אַ ליימענער כּלי איבער לעבעדיקע וואַסער. 51 און ער זאָל נעמען דאָס צעדערהאָלץ, און דאָס אֵזוב־גראָז, און דאָס ווערמילרויט, און דעם לעבעדיקן פויגל, און ער זאָל זיי אײַנטונקען אינעם בלוט פון דעם געשאָכטענעם פויגל, און אינעם לעבעדיקן וואַסער, און שפּריצן אויפן הויז זיבן מאָל. 52 און ער זאָל רייניקן דאָס הויז מיטן בלוט פון דעם פויגל, און מיטן לעבעדיקן וואַסער, און מיטן לעבעדיקן פויגל, און מיטן צעדערהאָלץ, און מיטן אֵזוב־גראָז, און מיטן ווערמילרויט. 53 און ער זאָל אַוועקלאָזן דעם לעבעדיקן פויגל אויסן שטאָט אויפן פרייען פעלד; און ער זאָל מכפּר זײַן אויפן הויז, און עס וועט זײַן ריין.

**54 דאָס איז דער דין פאַר יעטוועדער פלאָג פון צרעת, און פאַר שלעכטע קרעץ, 55 און פאַר צרעת פון אַ בגד, און**

לז בַּבָּיִת וְאַחַר כֵּן יָבֹא הַכֹּהֵן לִרְאוֹת אֶת־הַבָּיִת׃ וְרָאָה אֶת־
הַנֶּגַע וְהִנֵּה הַנֶּגַע בְּקִירֹת הַבַּיִת שְׁקַעֲרוּרֹת יְרַקְרַקֹּת אוֹ
לח אֲדַמְדַּמֹּת וּמַרְאֵיהֶן שָׁפָל מִן־הַקִּיר׃ וְיָצָא הַכֹּהֵן מִן־הַבַּיִת
לט אֶל־פֶּתַח הַבָּיִת וְהִסְגִּיר אֶת־הַבַּיִת שִׁבְעַת יָמִים׃ וְשָׁב
הַכֹּהֵן בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וְרָאָה וְהִנֵּה פָּשָׂה הַנֶּגַע בְּקִירֹת הַבָּיִת׃
מ וְצִוָּה הַכֹּהֵן וְחִלְּצוּ אֶת־הָאֲבָנִים אֲשֶׁר בָּהֵן הַנָּגַע וְהִשְׁלִיכוּ
מא אֶתְהֶן אֶל־מִחוּץ לָעִיר אֶל־מָקוֹם טָמֵא׃ וְאֶת־הַבַּיִת יַקְצִעַ
מִבַּיִת סָבִיב וְשָׁפְכוּ אֶת־הֶעָפָר אֲשֶׁר הִקְצוּ אֶל־מִחוּץ
מב לָעִיר אֶל־מָקוֹם טָמֵא׃ וְלָקְחוּ אֲבָנִים אֲחֵרוֹת וְהֵבִיאוּ
מג אֶל־תַּחַת הָאֲבָנִים וְעָפָר אַחֵר יִקַּח וְטָח אֶת־הַבָּיִת׃ וְאִם־
יָשׁוּב הַנֶּגַע וּפָרַח בַּבַּיִת אַחַר חִלֵּץ אֶת־הָאֲבָנִים וְאַחֲרֵי
מד הִקְצוֹת אֶת־הַבַּיִת וְאַחֲרֵי הִטּוֹחַ׃ וּבָא הַכֹּהֵן וְרָאָה וְהִנֵּה
פָּשָׂה הַנֶּגַע בַּבָּיִת צָרַעַת מַמְאֶרֶת הִוא בַּבַּיִת טָמֵא הוּא׃
מה וְנָתַץ אֶת־הַבַּיִת אֶת־אֲבָנָיו וְאֶת־עֵצָיו וְאֵת כָּל־עֲפַר הַבָּיִת
מו וְהוֹצִיא אֶל־מִחוּץ לָעִיר אֶל־מָקוֹם טָמֵא׃ וְהַבָּא אֶל־הַבַּיִת
מז כָּל־יְמֵי הִסְגִּיר אֹתוֹ יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃ וְהַשֹּׁכֵב בַּבַּיִת
מח יְכַבֵּס אֶת־בְּגָדָיו וְהָאֹכֵל בַּבַּיִת יְכַבֵּס אֶת־בְּגָדָיו׃ וְאִם־בֹּא
יָבֹא הַכֹּהֵן וְרָאָה וְהִנֵּה לֹא־פָשָׂה הַנֶּגַע בַּבַּיִת אַחֲרֵי הִטֹּחַ
מט אֶת־הַבָּיִת וְטִהַר הַכֹּהֵן אֶת־הַבַּיִת כִּי נִרְפָּא הַנָּגַע׃ וְלָקַח
לְחַטֵּא אֶת־הַבַּיִת שְׁתֵּי צִפֳּרִים וְעֵץ אֶרֶז וּשְׁנִי תוֹלַעַת וְאֵזֹב׃
נ וְשָׁחַט אֶת־הַצִּפֹּר הָאֶחָת אֶל־כְּלִי־חֶרֶשׂ עַל־מַיִם חַיִּים׃
נא וְלָקַח אֶת־עֵץ־הָאֶרֶז וְאֶת־הָאֵזֹב וְאֵת ׀ שְׁנִי הַתּוֹלַעַת וְאֵת
הַצִּפֹּר הַחַיָּה וְטָבַל אֹתָם בְּדַם הַצִּפֹּר הַשְּׁחוּטָה וּבַמַּיִם
נב הַחַיִּים וְהִזָּה אֶל־הַבַּיִת שֶׁבַע פְּעָמִים׃ וְחִטֵּא אֶת־הַבַּיִת
בְּדַם הַצִּפּוֹר וּבַמַּיִם הַחַיִּים וּבַצִּפֹּר הַחַיָּה וּבְעֵץ הָאֶרֶז
נג וּבָאֵזֹב וּבִשְׁנִי הַתּוֹלָעַת׃ וְשִׁלַּח אֶת־הַצִּפֹּר הַחַיָּה אֶל־
חמ' מִחוּץ לָעִיר אֶל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה וְכִפֶּר עַל־הַבַּיִת וְטָהֵר׃ זֹאת
נה הַתּוֹרָה לְכָל־נֶגַע הַצָּרַעַת וְלַנָּתֶק׃ וּלְצָרַעַת הַבֶּגֶד וְלַבָּיִת׃

נו וְלַשְׂאֵת וְלַסַּפַּחַת וְלַבֶּהָרֶת׃ לְהוֹרֹת בְּיוֹם הַטָּמֵא וּבְיוֹם
נז הַטָּהֹר זֹאת תּוֹרַת הַצָּרָעַת׃ פ

טו

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר׃ דַּבְּרוּ אֶל־בְּנֵי
ב יִשְׂרָאֵל וַאֲמַרְתֶּם אֲלֵהֶם אִישׁ אִישׁ כִּי יִהְיֶה זָב מִבְּשָׂרוֹ
ג זוֹבוֹ טָמֵא הוּא׃ וְזֹאת תִּהְיֶה טֻמְאָתוֹ בְּזוֹבוֹ רָר בְּשָׂרוֹ
ד אֶת־זוֹבוֹ אוֹ־הֶחְתִּים בְּשָׂרוֹ מִזּוֹבוֹ טֻמְאָתוֹ הִוא׃ כָּל־
הַמִּשְׁכָּב אֲשֶׁר יִשְׁכַּב עָלָיו הַזָּב יִטְמָא וְכָל־הַכְּלִי אֲשֶׁר־
ה יֵשֵׁב עָלָיו יִטְמָא׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִגַּע בְּמִשְׁכָּבוֹ יְכַבֵּס בְּגָדָיו
ו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְהַיֹּשֵׁב עַל־הַכְּלִי אֲשֶׁר־
יֵשֵׁב עָלָיו הַזָּב יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃
ז וְהַנֹּגֵעַ בִּבְשַׂר הַזָּב יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־
ח הָעָרֶב׃ וְכִי־יָרֹק הַזָּב בַּטָּהוֹר וְכִבֶּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם
ט וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְכָל־הַמֶּרְכָּב אֲשֶׁר יִרְכַּב עָלָיו הַזָּב
י יִטְמָא׃ וְכָל־הַנֹּגֵעַ בְּכֹל אֲשֶׁר יִהְיֶה תַחְתָּיו יִטְמָא עַד־
הָעָרֶב וְהַנּוֹשֵׂא אוֹתָם יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־
יא הָעָרֶב׃ וְכֹל אֲשֶׁר יִגַּע־בּוֹ הַזָּב וְיָדָיו לֹא־שָׁטַף בַּמָּיִם
יב וְכִבֶּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וּכְלִי־חֶרֶשׂ
יג אֲשֶׁר־יִגַּע־בּוֹ הַזָּב יִשָּׁבֵר וְכָל־כְּלִי־עֵץ יִשָּׁטֵף בַּמָּיִם׃ וְכִי־
יִטְהַר הַזָּב מִזּוֹבוֹ וְסָפַר לוֹ שִׁבְעַת יָמִים לְטָהֳרָתוֹ וְכִבֶּס
יד בְּגָדָיו וְרָחַץ בְּשָׂרוֹ בְּמַיִם חַיִּים וְטָהֵר׃ וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי
יִקַּח־לוֹ שְׁתֵּי תֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה וּבָא ׀ לִפְנֵי יְהוָה אֶל־
טו פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד וּנְתָנָם אֶל־הַכֹּהֵן׃ וְעָשָׂה אֹתָם הַכֹּהֵן
אֶחָד חַטָּאת וְהָאֶחָד עֹלָה וְכִפֶּר עָלָיו הַכֹּהֵן לִפְנֵי יְהוָה
ששי (שב׳) מִזּוֹבוֹ׃ ס וְאִישׁ כִּי־תֵצֵא מִמֶּנּוּ שִׁכְבַת־זָרַע וְרָחַץ
יז בַּמַּיִם אֶת־כָּל־בְּשָׂרוֹ וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְכָל־בֶּגֶד וְכָל־
עוֹר אֲשֶׁר־יִהְיֶה עָלָיו שִׁכְבַת־זָרַע וְכֻבַּס בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־

יד, נו׳ שי רפה   טו, ז׳ חצי הספר בפסוקים

פאַר אַ הויז, [56] און פאַר אַ געשווילעכץ, און פאַר אַ גרינד, און פאַר אַ פלעק; [57] כדי צו לערנען ווען עס איז אומריין, און ווען עס איז ריין. דאָס איז דער דין פון צרעת.

טו

[1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן: [2] רעדט צו די קינדער פון ישראל, און איר זאָלט זאָגן צו זיי:

יעטוועדער מאַן, אַז ער וועט זיין פלוסיק פון זיין לייב, איז זיין פליסונג אומריין. [3] און דאָס זאָל זיין זיין אומריינקייט אין זיין פליסונג: סיי זיין לייב רינט מיט זיין פליסונג, סיי זיין לייב איז פאַרשטאָפּט פון זיין פליסונג, איז דאָס זיין אומריינקייט. [4] איטלעך געלעגער וואָס דער פלוסיקער וועט דערויף ליגן, זאָל זיין אומריין, און איטלעכע זאַך וואָס ער וועט דערויף זיצן, זאָל זיין אומריין. [5] און אַ מאַן וואָס וועט זיך אָנרירן אָן זיין געלעגער, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [6] און דער וואָס זיצט אויף אַ זאַך וואָס דער פלוסיקער איז דערויף געזעסן, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [7] און דער וואָס רירט זיך אָן אָן דעם לייב פון פלוסיקן, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [8] און אַז דער פלוסיקער וועט אַרויפשפּייען אויף אַ ריינעם, זאָל יענער וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [9] און יעטוועדער רייטזאַך וואָס דער פלוסיקער וועט רייטן דערויף, זאָל זיין אומריין. [10] און איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן וואָס נאָר עס איז געווען אונטער אים, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט; און דער וואָס טראָגט עס, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [11] און איטלעכער וואָס דער פלוסיקער וועט זיך אָן אים אָנרירן, אַווו ער האָט ניט אָפּגעשווענקט זיינע הענט אין וואַסער, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [12] און אַ ליימענע כלי וואָס דער פלוסיקער וועט זיך אָן איר אָנרירן, זאָל צעבראָכן ווערן; און יעטוועדער הילצערנע כלי זאָל אָפּגעשווענקט ווערן אין וואַסער.

[13] און אַז דער פלוסיקער וועט ריין ווערן פון זיין פליסונג, זאָל ער זיך ציילן זיבן טעג פון זיין ריין ווערן, און וואַשן זיינע קליידער, און באָדן זיין לייב אין לעבעדיקע וואַסער, און זיין ריין. [14] און אויפן אַכטן טאָג זאָל ער זיך נעמען צוויי טורטלטויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן, און ער זאָל קומען פאַר גאָט צום אַיינגאַנג פון אוהל־מועד, און זיי געבן צום כהן. [15] און דער כהן זאָל זיי מאַכן איינע אַ זינדאָפּפער, און איינע אַ בראַנדאָפּפער, און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף אים פאַר גאָט פון וועגן זיין פליסונג.

[16] און אַ מאַן, אַז פון אים וועט אַרויסגיין אַ פלוס פון זאָמען, זאָל ער באָדן אין וואַסער זיין גאַנצן לייב, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [17] און יעטוועדער בגד, און יעטוועדער פעל, וואָס דערויף וועט זיין פלוס פון זאָמען, זאָל געוואַשן ווערן

יח הָעָרֶב׃ וְאִשָּׁה אֲשֶׁר יִשְׁכַּב אִישׁ אֹתָהּ שִׁכְבַת־זָרַע וְרָחֲצוּ
בַמַּיִם וְטָמְאוּ עַד־הָעָרֶב׃ פ
יט וְאִשָּׁה כִּי־תִהְיֶה זָבָה דָּם יִהְיֶה זֹבָהּ בִּבְשָׂרָהּ שִׁבְעַת יָמִים
כ תִּהְיֶה בְנִדָּתָהּ וְכָל־הַנֹּגֵעַ בָּהּ יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃ וְכֹל אֲשֶׁר
תִּשְׁכַּב עָלָיו בְּנִדָּתָהּ יִטְמָא וְכֹל אֲשֶׁר־תֵּשֵׁב עָלָיו יִטְמָא׃
כא וְכָל־הַנֹּגֵעַ בְּמִשְׁכָּבָהּ יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־
כב הָעָרֶב׃ וְכָל־הַנֹּגֵעַ בְּכָל־כְּלִי אֲשֶׁר־תֵּשֵׁב עָלָיו יְכַבֵּס בְּגָדָיו
כג וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְאִם עַל־הַמִּשְׁכָּב הוּא אוֹ
עַל־הַכְּלִי אֲשֶׁר־הִוא יֹשֶׁבֶת־עָלָיו בְּנָגְעוֹ־בוֹ יִטְמָא עַד־
כד הָעָרֶב׃ וְאִם שָׁכֹב יִשְׁכַּב אִישׁ אֹתָהּ וּתְהִי נִדָּתָהּ עָלָיו
וְטָמֵא שִׁבְעַת יָמִים וְכָל־הַמִּשְׁכָּב אֲשֶׁר־יִשְׁכַּב עָלָיו יִטְמָא׃
כה ס וְאִשָּׁה כִּי־יָזוּב זוֹב דָּמָהּ יָמִים רַבִּים בְּלֹא עֶת־נִדָּתָהּ
אוֹ כִי־תָזוּב עַל־נִדָּתָהּ כָּל־יְמֵי זוֹב טֻמְאָתָהּ כִּימֵי נִדָּתָהּ
כו תִּהְיֶה טְמֵאָה הִוא׃ כָּל־הַמִּשְׁכָּב אֲשֶׁר־תִּשְׁכַּב עָלָיו כָּל־
יְמֵי זוֹבָהּ כְּמִשְׁכַּב נִדָּתָהּ יִהְיֶה־לָּהּ וְכָל־הַכְּלִי אֲשֶׁר תֵּשֵׁב
כז עָלָיו טָמֵא יִהְיֶה כְּטֻמְאַת נִדָּתָהּ׃ וְכָל־הַנּוֹגֵעַ בָּם יִטְמָא
כח וְכִבֶּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב׃ וְאִם־טָהֲרָה
כט׳ מִזּוֹבָהּ וְסָפְרָה לָּהּ שִׁבְעַת יָמִים וְאַחַר תִּטְהָר׃ וּבַיּוֹם
הַשְּׁמִינִי תִּקַּח־לָהּ שְׁתֵּי תֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה וְהֵבִיאָה
ל אוֹתָם אֶל־הַכֹּהֵן אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְעָשָׂה הַכֹּהֵן
אֶת־הָאֶחָד חַטָּאת וְאֶת־הָאֶחָד עֹלָה וְכִפֶּר עָלֶיהָ הַכֹּהֵן
לא׳ לִפְנֵי יְהוָה מִזּוֹב טֻמְאָתָהּ׃ וְהִזַּרְתֶּם אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
מִטֻּמְאָתָם וְלֹא יָמֻתוּ בְּטֻמְאָתָם בְּטַמְּאָם אֶת־מִשְׁכָּנִי אֲשֶׁר
לב בְּתוֹכָם׃ זֹאת תּוֹרַת הַזָּב וַאֲשֶׁר תֵּצֵא מִמֶּנּוּ שִׁכְבַת־זֶרַע
לג לְטָמְאָה־בָהּ׃ וְהַדָּוָה בְּנִדָּתָהּ וְהַזָּב אֶת־זוֹבוֹ לַזָּכָר וְלַנְּקֵבָה
וּלְאִישׁ אֲשֶׁר יִשְׁכַּב עִם־טְמֵאָה׃ פ

כט׳ מלרע

אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [18] און אַ פרוי, אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט איר אַ ביישלאָף פון זאָמען, זאָלן זיי זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט.

[19] און אַ פרוי, אַז זי וועט זיין פלוסיק–בלוט וועט זיין איר פליסונג פון איר לייב–זאָל זי זיבן טעג זיין אין איר אָפּזונדערונג, און איטלעכער וואָס רירט זיך אָן איר אָן, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט. [20] און אַלץ וואָס זי וועט ליגן דערויף אין איר אָפּזונדערונג, זאָל זיין אומריין; און אַלץ וואָס זי וועט זיצן דערויף, זאָל זיין אומריין. [21] און איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן איר געלעגער, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [22] און איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן עפּעס אַ זאַך וואָס זי זיצט דערויף, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [23] אַפילו אויב ער איז אויף דעם געלעגער אָדער אויף דער זאַך וואָס זי זיצט דערויף, ווען ער רירט זיך אָן דעם אָן, זאָל ער [נאָר] זיין אומריין ביזן אָוונט. [24] און אויב ליגן וועט ליגן מיט איר אַ מאַן, און איר אומריינקייט וועט זיין אויף אים, זאָל ער זיין אומריין זיבן טעג, און איטלעך געלעגער וואָס ער וועט ליגן דערויף, זאָל זיין אומריין.

[25] און אַ פרוי, אַז איר בלוטפליסונג וועט פליסן פיל טעג, ניט אין דער צייט פון איר אָפּזונדערונג, אָדער זי וועט זיין פלוסיק איבער דער צייט פון איר אָפּזונדערונג, זאָל זי אַלע טעג פון איר אומריינער פליסונג זיין אַזוי ווי אין די טעג פון איר אָפּזונדערונג; זי איז אומריין. [26] איטלעך גע־לעגער וואָס זי וועט ליגן דערויף אַלע טעג פון איר פליסונג, זאָל איר זיין אַזוי ווי דאָס געלעגער פון איר אָפּזונדערונג; און איטלעכע זאַך וואָס זי וועט זיצן דערויף, זאָל זיין אומריין אַזוי ווי די אומריינקייט פון איר אָפּזונדערונג. [27] און איטלעכער וואָס רירט זיך אָן זיי אָן, זאָל ווערן אומריין; און ער זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. [28] און אַז זי ווערט ריין פון איר פליסונג, זאָל זי זיך ציילן זיבן טעג, און דערנאָך זאָל זי זיין ריין. [29] און אויפן אַכטן טאָג זאָל זי זיך נעמען צוויי טורטלטויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן, און זיי ברענגען צום כּהן, צום איינגאַנג פון אוהל־מועד. [30] און דער כּהן זאָל מאַכן איינע אַ זינדאָפּפער, און איינע אַ בראַנד־אָפּפער, און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף איר פאַר גאָט פון וועגן איר אומריינער פליסונג.

[31] און איר זאָלט אָפּשיידן די קינדער פון ישראל פון זייער אומריינקייט, כּדי זיי זאָלן ניט שטאַרבן דורך זייער אומריינקייט, אַז זיי וועלן פאַראומריינקן מיין מִשכּן וואָס צווישן זיי.

[32] דאָס איז דער דין פון דעם פלוסיקן, און פון דעם וואָס פון אים גייט אַרויס אַ פלוס פון זאָמען, צו ווערן אומ־ריין דורך דעם; [33] און פון דער קראַנקער אין איר אָפּזונדערונג, און פון דעם וואָס איז פלוסיק מיט אַ פליסונג, סיי אַ מאַנספּאַרשוין, און סיי אַ פרוי; און פון אַ מאַן וואָס וועט ליגן מיט אַן אומריינער.

# אַחֲרֵי מוֹת

## טז

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה אַחֲרֵי מוֹת שְׁנֵי בְּנֵי אַהֲרֹן בְּקָרְבָתָם
ב לִפְנֵי־יְהוָה וַיָּמֻתוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה דַּבֵּר אֶל־אַהֲרֹן
אָחִיךָ וְאַל־יָבֹא בְכָל־עֵת אֶל־הַקֹּדֶשׁ מִבֵּית לַפָּרֹכֶת אֶל־
פְּנֵי הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל־הָאָרֹן וְלֹא יָמוּת כִּי בֶּעָנָן אֵרָאֶה
ג עַל־הַכַּפֹּרֶת׃ בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל־הַקֹּדֶשׁ בְּפַר בֶּן־
ד בָּקָר לְחַטָּאת וְאַיִל לְעֹלָה׃ כְּתֹנֶת־בַּד קֹדֶשׁ יִלְבָּשׁ וּמִכְנְסֵי־
בַד יִהְיוּ עַל־בְּשָׂרוֹ וּבְאַבְנֵט בַּד יַחְגֹּר וּבְמִצְנֶפֶת בַּד יִצְנֹף
ה בִּגְדֵי־קֹדֶשׁ הֵם וְרָחַץ בַּמַּיִם אֶת־בְּשָׂרוֹ וּלְבֵשָׁם׃ וּמֵאֵת
עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יִקַּח שְׁנֵי־שְׂעִירֵי עִזִּים לְחַטָּאת וְאַיִל
ו אֶחָד לְעֹלָה׃ וְהִקְרִיב אַהֲרֹן אֶת־פַּר הַחַטָּאת אֲשֶׁר־לוֹ
ז וְכִפֶּר בַּעֲדוֹ וּבְעַד בֵּיתוֹ׃ וְלָקַח אֶת־שְׁנֵי הַשְּׂעִירִם וְהֶעֱמִיד
ח אֹתָם לִפְנֵי יְהוָה פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְנָתַן אַהֲרֹן עַל־שְׁנֵי
הַשְּׂעִירִם גֹּרָלוֹת גּוֹרָל אֶחָד לַיהוָה וְגוֹרָל אֶחָד לַעֲזָאזֵל׃
ט וְהִקְרִיב אַהֲרֹן אֶת־הַשָּׂעִיר אֲשֶׁר עָלָה עָלָיו הַגּוֹרָל לַיהוָה
י וְעָשָׂהוּ חַטָּאת׃ וְהַשָּׂעִיר אֲשֶׁר עָלָה עָלָיו הַגּוֹרָל לַעֲזָאזֵל
יָעֳמַד־חַי לִפְנֵי יְהוָה לְכַפֵּר עָלָיו לְשַׁלַּח אֹתוֹ לַעֲזָאזֵל
יא הַמִּדְבָּרָה׃ וְהִקְרִיב אַהֲרֹן אֶת־פַּר הַחַטָּאת אֲשֶׁר־לוֹ
וְכִפֶּר בַּעֲדוֹ וּבְעַד בֵּיתוֹ וְשָׁחַט אֶת־פַּר הַחַטָּאת אֲשֶׁר־לוֹ׃
יב וְלָקַח מְלֹא־הַמַּחְתָּה גַּחֲלֵי־אֵשׁ מֵעַל הַמִּזְבֵּחַ מִלִּפְנֵי יְהוָה
וּמְלֹא חָפְנָיו קְטֹרֶת סַמִּים דַּקָּה וְהֵבִיא מִבֵּית לַפָּרֹכֶת׃
יג וְנָתַן אֶת־הַקְּטֹרֶת עַל־הָאֵשׁ לִפְנֵי יְהוָה וְכִסָּה ׀ עֲנַן הַקְּטֹרֶת
יד אֶת־הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל־הָעֵדוּת וְלֹא יָמוּת׃ וְלָקַח מִדַּם
הַפָּר וְהִזָּה בְאֶצְבָּעוֹ עַל־פְּנֵי הַכַּפֹּרֶת קֵדְמָה וְלִפְנֵי הַכַּפֹּרֶת
טו יַזֶּה שֶׁבַע־פְּעָמִים מִן־הַדָּם בְּאֶצְבָּעוֹ׃ וְשָׁחַט אֶת־שְׂעִיר
הַחַטָּאת אֲשֶׁר לָעָם וְהֵבִיא אֶת־דָּמוֹ אֶל־מִבֵּית לַפָּרֹכֶת

ד׳ קמץ ברביע ח׳ בראש עמוד סימן בי״ה שמו

**טז** 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן נאָך דעם טויט פון אַהרנס צוויי זין, ווען זיי האָבן גענענט פאַר גאָט, און זיינען געשטאָרבן; 2 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: רעד צו דיין ברודער אַהרנען, אַז ער זאָל ניט אַריינגיין צו יעטוועדער צייט אין הייליקטום אינעווייניק פון פָּרוֹכֶת, פאַרן דעק וואָס איבערן אָרון, כּדי ער זאָל ניט שטאַרבן; וואָרום איך באַוויַז זיך אין וואָלקן איבערן דעק. 3 דערמיט זאָל אַהרן קומען אין הייליקטום: מיט אַ יונגן אָקס פאַר אַ זינדאָפּפער, און אַ ווידער פאַר אַ בראַנדאָפּפער. 4 אַ הייליק ליינען העמדל זאָל ער אָנטאָן, און ליינענע הויזן זאָלן זיין אויף זיין לייב, און מיט אַ ליינענעם גאַרטל זאָל ער זיך אַרומגורטן, און מיט אַ ליינענער הויב זאָל ער זיך באַהויבן; הייליקע קליידער זיינען דאָס, און ער זאָל באָדן זיין לייב אין וואַסער, און זיי אָנטאָן. 5 און פון דער עדה פון די קינדער פון ישראל זאָל ער נעמען צוויי ציגנבעק פאַר אַ זינדאָפּפער, און איין ווידער פאַר אַ בראַנדאָפּפער. 6 און אַהרן זאָל מאַכן גענענען דעם אָקס פון זינדאָפּפער וואָס פאַר אים, און ער זאָל מכפּר זיין אויף זיך און אויף זיין הויזגעזינט. 7 און ער זאָל נעמען די צוויי בעק, און זיי אַוועקשטעלן פאַר גאָט ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד. 8 און אַהרן זאָל אַרויפטאָן אויף ביידע בעק גוֹרָלות, איין גוֹרל פאַר יהוה, און איין גוֹרל פאַר עֲזאָזל. 9 און אַהרן זאָל מאַכן גענענען דעם באָק וואָס אויף אים איז אַרויף דער גוֹרל פאַר יהוה, און אים מאַכן פאַר אַ זינדאָפּפער. 10 און דער באָק וואָס אויף אים איז אַרויף דער גוֹרל פאַר עֲזאָזל, זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אַ לעבעדיקער פאַר גאָט, מכפּר צו זיין איבער אים, אים אַוועקצושיקן צו עֲזאָזל אין מדבר. 11 און אַהרן זאָל מאַכן גענענען דעם אָקס פון זינדאָפּפער וואָס פאַר אים, און מכפּר זיין אויף זיך און אויף זיין הויזגעזינט; און ער זאָל שעכטן דעם אָקס פון זינדאָפּפער וואָס פאַר אים. 12 און ער זאָל נעמען אַ פולע פייערפאַן פייערקוילן פון דעם מזבח, פון פאַר גאָט, און זיינע פולע הויפנס דינעם ווייַרויך פון שמעקעדיקע געווירצן, און ברענגען אינעווייניק פון פָּרוֹכֶת. 13 און ער זאָל אַרויפטאָן דעם ווייַרויך אויפן פייער פאַר גאָט, און דער וואָלקן פון דעם ווייַרויך זאָל פאַרדעקן דעם דעק וואָס איבערן געזעץ, כּדי ער זאָל ניט שטאַרבן. 14 און ער זאָל נעמען פון דעם בלוט פון אָקס, און שפּריצן מיט זיין פינגער אויפן דעק צו מזרח; און פאַרן דעק זאָל ער שפּריצן פון דעם בלוט זיבן מאָל מיט זיין פינגער. 15 און ער זאָל שעכטן דעם באָק פון זינדאָפּפער וואָס פאַרן פאָלק, און ברענגען זיין בלוט אינעווייניק פון פָּרוֹכֶת,

וְעָשָׂה אֶת־דָּמוֹ כַּאֲשֶׁר עָשָׂה לְדַם הַפָּר וְהִזָּה אֹתוֹ עַל־
טז הַכַּפֹּרֶת וְלִפְנֵי הַכַּפֹּרֶת: וְכִפֶּר עַל־הַקֹּדֶשׁ מִטֻּמְאֹת בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל וּמִפִּשְׁעֵיהֶם לְכָל־חַטֹּאתָם וְכֵן יַעֲשֶׂה לְאֹהֶל מוֹעֵד
יז הַשֹּׁכֵן אִתָּם בְּתוֹךְ טֻמְאֹתָם: וְכָל־אָדָם לֹא־יִהְיֶה | בְּאֹהֶל
מוֹעֵד בְּבֹאוֹ לְכַפֵּר בַּקֹּדֶשׁ עַד־צֵאתוֹ וְכִפֶּר בַּעֲדוֹ וּבְעַד
שני בֵּיתוֹ וּבְעַד כָּל־קְהַל יִשְׂרָאֵל: וְיָצָא אֶל־הַמִּזְבֵּחַ אֲשֶׁר
לִפְנֵי־יְהוָה וְכִפֶּר עָלָיו וְלָקַח מִדַּם הַפָּר וּמִדַּם הַשָּׂעִיר
יט וְנָתַן עַל־קַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב: וְהִזָּה עָלָיו מִן־הַדָּם
בְּאֶצְבָּעוֹ שֶׁבַע פְּעָמִים וְטִהֲרוֹ וְקִדְּשׁוֹ מִטֻּמְאֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל:
כ וְכִלָּה מִכַּפֵּר אֶת־הַקֹּדֶשׁ וְאֶת־אֹהֶל מוֹעֵד וְאֶת־הַמִּזְבֵּחַ
כא וְהִקְרִיב אֶת־הַשָּׂעִיר הֶחָי: וְסָמַךְ אַהֲרֹן אֶת־שְׁתֵּי יָדָו עַל־
רֹאשׁ הַשָּׂעִיר הַחַי וְהִתְוַדָּה עָלָיו אֶת־כָּל־עֲוֺנֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְאֶת־כָּל־פִּשְׁעֵיהֶם לְכָל־חַטֹּאתָם וְנָתַן אֹתָם עַל־רֹאשׁ
כב הַשָּׂעִיר וְשִׁלַּח בְּיַד־אִישׁ עִתִּי הַמִּדְבָּרָה: וְנָשָׂא הַשָּׂעִיר
עָלָיו אֶת־כָּל־עֲוֺנֹתָם אֶל־אֶרֶץ גְּזֵרָה וְשִׁלַּח אֶת־הַשָּׂעִיר
כג בַּמִּדְבָּר: וּבָא אַהֲרֹן אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד וּפָשַׁט אֶת־בִּגְדֵי
כד הַבָּד אֲשֶׁר לָבַשׁ בְּבֹאוֹ אֶל־הַקֹּדֶשׁ וְהִנִּיחָם שָׁם: וְרָחַץ
אֶת־בְּשָׂרוֹ בַמַּיִם בְּמָקוֹם קָדוֹשׁ וְלָבַשׁ אֶת־בְּגָדָיו וְיָצָא
וְעָשָׂה אֶת־עֹלָתוֹ וְאֶת־עֹלַת הָעָם וְכִפֶּר בַּעֲדוֹ וּבְעַד הָעָם:
שלי (שני) כו וְאֵת חֵלֶב הַחַטָּאת יַקְטִיר הַמִּזְבֵּחָה: וְהַמְשַׁלֵּחַ אֶת־
הַשָּׂעִיר לַעֲזָאזֵל יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְרָחַץ אֶת־בְּשָׂרוֹ בַּמָּיִם
כז וְאַחֲרֵי־כֵן יָבוֹא אֶל־הַמַּחֲנֶה: וְאֵת פַּר הַחַטָּאת וְאֵת |
שְׂעִיר הַחַטָּאת אֲשֶׁר הוּבָא אֶת־דָּמָם לְכַפֵּר בַּקֹּדֶשׁ יוֹצִיא
אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה וְשָׂרְפוּ בָאֵשׁ אֶת־עֹרֹתָם וְאֶת־בְּשָׂרָם
כח וְאֶת־פִּרְשָׁם: וְהַשֹּׂרֵף אֹתָם יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְרָחַץ אֶת־בְּשָׂרוֹ
כט בַּמַּיִם וְאַחֲרֵי־כֵן יָבוֹא אֶל־הַמַּחֲנֶה: וְהָיְתָה לָכֶם לְחֻקַּת
עוֹלָם בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ תְּעַנּוּ אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם

כא׳ ידיו קרי

און טאָן מיט זיין בלוט אַזוי ווי ער האָט געטאָן מיט דעם בלוט פון אָקס, און עס שפּריצן אויפן דעק און פאַרן דעק. [16] און ער זאָל מכפּר זיין אויף דעם הייליקטום פון וועגן די אומריינקייטן פון די קינדער פון ישׂראל, און פון וועגן זייערע פאַרברעכן אין אַלע זייערע חטאים; און אַזוי זאָל ער טאָן צום אוהל־מועד וואָס רוט בײַ זיי אין מיטן פון זייערע אומריינקייטן. [17] און קיין מענטש זאָל ניט זיין אין אוהל־מועד, ווען ער קומט מכפּר צו זיין אין הייליקטום, ביז ער גייט אַרויס. און ער זאָל מכפּר זיין אויף זיך, און אויף זיין הויזגעזינט, און אויף דער גאַנצער אײַנזאַמלונג פון ישׂראל. [18] און ער זאָל אַרויסגיין צום מזבח וואָס פאַר גאָט, און מכפּר זיין אויף אים; און ער זאָל נעמען פון דעם בלוט פון אָקס, און פון דעם בלוט פון באָק, און אַרויפטאָן אויף די הערנער פון מזבח רונד אַרום. [19] און ער זאָל שפּריצן אויף אים פון דעם בלוט מיט זיין פינגער זיבן מאָל, און אים ריייניקן, און אים הייליקן פון די אומריינקייטן פון די קינדער פון ישׂראל.

[20] און אַז ער וועט ענדיקן מכפּר זיין אויפן הייליקטום, און אויפן אוהל־מועד, און אויפן מזבח, זאָל ער מאַכן גענענען דעם לעבעדיקן באָק. [21] און אַהרן זאָל אָנלענען זיינע בײדע הענט אויפן קאָפּ פון דעם לעבעדיקן באָק, און זיך מתוודה זיין איבער אים אויף אַלע זינד פון די קינדער פון ישׂראל, און אויף אַלע זייערע פאַרברעכן אין אַלע זייערע חטאים; און ער זאָל זיי אַרויפטאָן אויפן קאָפּ פון דעם באָק, און אים אַוועקשיקן דורך דער האַנט פון אַן אומיסטנעם מענטשן אין מדבר. [22] און דער באָק זאָל אַוועקטראָגן אויף זיך אַלע זייערע זינד אין אַן אָפּגעשניטענעם לאַנד; און ער זאָל אַוועקלאָזן דעם באָק אין דער מדבר. [23] און אַהרן זאָל אַרײַנגיין אין אוהל־מועד, און אויסטאָן די לײַנענע קליידער וואָס ער האָט אָנגעטאָן בײַ זיין אַרײַנגיין אין הייליקטום, און ער זאָל זיי דאָרטן לאָזן. [24] און ער זאָל באָדן זיין לײַב אין וואַסער אין אַ הייליקן אָרט, און אָנטאָן זיינע קליידער, און אַרויסגיין, און מאַכן זיין בראַנדאָפּפער און דאָס בראַנדאָפּפער פון פאָלק, און מכפּר זיין אויף זיך און אויפן פאָלק. [25] און דאָס פעטס פון דעם זינדאָפּפער זאָל ער דעמפן אויפן מזבח. [26] און דער וואָס באַלייט דעם באָק צו עזאָזל, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און באָדן זיין לײַב אין וואַסער, און דערנאָך מעג ער אַרײַנקומען אין לאַגער. [27] און דעם אָקס פון זינד־אָפּפער, און דעם באָק פון זינדאָפּפער, וואָס זייער בלוט איז געבראַכט געוואָרן, מכפּר צו זיין אין הייליקטום, זאָל מען אַרויסטראָגן אויסן לאַגער, און פאַרברענען אין פייער זייערע פעלן, און זייער פלייש, און זייער מיסט. [28] און דער וואָס פאַרברענט זיי, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און באָדן זיין לײַב אין וואַסער, און דערנאָך מעג ער אַרײַנקומען אין לאַגער.

[29] און דאָס זאָל אײַך זיין צום אײביקן געזעץ: אין זיבעטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש, זאָלט איר פּײניקן אײַער

וְכָל־מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ הָאֶזְרָח וְהַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכְכֶם׃
ל כִּי־בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם
לא לִפְנֵי יְהוָה תִּטְהָרוּ׃ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן הִיא לָכֶם וְעִנִּיתֶם
לב אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם חֻקַּת עוֹלָם׃ וְכִפֶּר הַכֹּהֵן אֲשֶׁר־יִמְשַׁח
אֹתוֹ וַאֲשֶׁר יְמַלֵּא אֶת־יָדוֹ לְכַהֵן תַּחַת אָבִיו וְלָבַשׁ אֶת־
לג בִּגְדֵי הַבָּד בִּגְדֵי הַקֹּדֶשׁ׃ וְכִפֶּר אֶת־מִקְדַּשׁ הַקֹּדֶשׁ וְאֶת־
אֹהֶל מוֹעֵד וְאֶת־הַמִּזְבֵּחַ יְכַפֵּר וְעַל הַכֹּהֲנִים וְעַל־כָּל־עַם
לד הַקָּהָל יְכַפֵּר׃ וְהָיְתָה־זֹּאת לָכֶם לְחֻקַּת עוֹלָם לְכַפֵּר עַל־
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִכָּל־חַטֹּאתָם אַחַת בַּשָּׁנָה וַיַּעַשׂ כַּאֲשֶׁר צִוָּה
יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ

יז

רב׳ ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־בָּנָיו
וְאֶל כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵיהֶם זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־
ג צִוָּה יְהוָה לֵאמֹר׃ אִישׁ אִישׁ מִבֵּית יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יִשְׁחַט
שׁוֹר אוֹ־כֶשֶׂב אוֹ־עֵז בַּמַּחֲנֶה אוֹ אֲשֶׁר יִשְׁחַט מִחוּץ
ד לַמַּחֲנֶה׃ וְאֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד לֹא הֱבִיאוֹ לְהַקְרִיב
קָרְבָּן לַיהוָה לִפְנֵי מִשְׁכַּן יְהוָה דָּם יֵחָשֵׁב לָאִישׁ הַהוּא
ה דָּם שָׁפָךְ וְנִכְרַת הָאִישׁ הַהוּא מִקֶּרֶב עַמּוֹ׃ לְמַעַן אֲשֶׁר
יָבִיאוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־זִבְחֵיהֶם אֲשֶׁר הֵם זֹבְחִים עַל־
פְּנֵי הַשָּׂדֶה וֶהֱבִיאֻם לַיהוָה אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד אֶל־
ו הַכֹּהֵן וְזָבְחוּ זִבְחֵי שְׁלָמִים לַיהוָה אוֹתָם׃ וְזָרַק הַכֹּהֵן
אֶת־הַדָּם עַל־מִזְבַּח יְהוָה פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד וְהִקְטִיר הַחֵלֶב
ז לְרֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃ וְלֹא־יִזְבְּחוּ עוֹד אֶת־זִבְחֵיהֶם לַשְּׂעִירִם
אֲשֶׁר הֵם זֹנִים אַחֲרֵיהֶם חֻקַּת עוֹלָם תִּהְיֶה־זֹּאת לָהֶם
חמ׳ (של׳) לְדֹרֹתָם׃ וַאֲלֵהֶם תֹּאמַר אִישׁ אִישׁ מִבֵּית יִשְׂרָאֵל וּמִן־
ט הַגֵּר אֲשֶׁר־יָגוּר בְּתוֹכָם אֲשֶׁר־יַעֲלֶה עֹלָה אוֹ־זָבַח׃ וְאֶל־
פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד לֹא יְבִיאֶנּוּ לַעֲשׂוֹת אֹתוֹ לַיהוָה וְנִכְרַת

יז, ג׳ קמץ בזיק ד׳ קמץ בזיק

זעל, און קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן, סיי דער איינגע־בּאָרענער, און סיי דער פרעמדער וואָס האַלט זיך אויף צווישן אַייך. [30] וואָרום אין דעמדאָזיקן טאָג וועט מען מכפּר זיין אויף אַייך, אַייך צו רייניקן; פון אַלע אַייערע זינד וועט איר ריין ווערן פאַר גאָט. [31] אַ שבת פון רואונג איז דאָס פאַר אַייך, און איר זאָלט פייניקן אַייער זעל; אַן אייביק געזעץ. [32] און דער כּהן וואָס מע וועט אים זאַלבן, און וואָס מע וועט דערפילן זיין האַנט צו זיין אַ כּהן אויף זיין פאָטערס אָרט, זאָל מכפּר זיין; און ער זאָל אָנטאָן די ליינענע קליידער, די הייליקע קליידער. [33] און ער זאָל מכפּר זיין אויפן קָדשי־קָדשים, און אויפן אוהל־מועד; אויך אויפן מזבח זאָל ער מכפּר זיין, און אויף די כּהנים, און אויף דעם גאַנצן פאָלק פון דער איינזאַמלונג זאָל ער מכפּר זיין. [34] און דאָס זאָל אַייך זיין צום אייביקן געזעץ, מכפּר צו זיין אויף די קינדער פון ישׂראל פון וועגן אַלע זייערע זינד, איין מאָל אין יאָר.

און ער האָט געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

יז [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] רעד צו אַהרנען, און צו זיינע זין, און צו אַלע קינדער פון ישׂראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: דאָס איז די זאַך וואָס גאָט האָט באַפוילן, אַזוי צו זאָגן:

[3] יעטוועדער מאַן פון דעם הויז פון ישׂראל וואָס וועט שעכטן אַן אָקס, אָדער אַ שעפּס, אָדער אַ ציג, אין לאַגער, אָדער וואָס וועט שעכטן אויסן לאַגער, [4] און צום איינגאַנג פון אוהל־מועד האָט ער עס ניט געבראַכט, מקריב צו זיין פאַר אַ קרבּן צו גאָט, פאַרן מִשכּן פון גאָט, זאָל עס ווי בלוט גערעכנט ווערן יענעם מאַן; בלוט האָט ער פאַרגאָסן; און יענער מענטש זאָל פאַרשניטן ווערן פון צווישן זיין פאָלק. [5] כּדי די קינדער פון ישׂראל זאָלן ברענגען זייערע שלאַכטאָפּפער, וואָס זיי שלאַכטן אויפן פרייען פעלד—זיי זאָלן זיי ברענגען צו גאָט, צום איינגאַנג פון אוהל־מועד, צום כּהן, און זיי שלאַכטן פרידאָפּפער צו גאָט. [6] און דער כּהן זאָל שפּרענגען דאָס בלוט אויפן מזבח פון גאָט, ביים איינגאַנג פון אוהל־מועד, און דעמפן דאָס פעטס פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט. [7] און זיי זאָלן מער ניט שלאַכטן זייערע שלאַכטאָפּפער צו די שדים, וואָס זיי זיינען פאַרפירט נאָך זיי. אַן אייביק געזעץ זאָל דאָס זיי זיין אויף זייערע דור־דורות.

[8] און זאָלסט זאָגן צו זיי: יעטוועדער מאַן פון דעם הויז פון ישׂראל, אָדער פון דעם פרעמדן וואָס וועט זיך אויפ־האַלטן צווישן זיי, וואָס וועט אויפברענגען אַ בראַנדאָפּפער אָדער אַ שלאַכטאָפּפער, [9] און צום אוהל־מועד וועט ער עס

ניט ברענגען, דאָס צו מאַכן צו גאָט, יענער מענטש זאָל פאַרשניטן ווערן פון זיין פאָלק.

10 און יעטוועדער מאַן פון דעם הויז פון ישׂראל, אָדער פון דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף צווישן זיי, וואָס וועט עסן וואָסער עס איז בלוט, וועל איך קערן מיין פנים קעגן דעם מענטשן וואָס עסט דאָס בלוט, און איך וועל אים פאַרשניידן פון צווישן זיין פאָלק. 11 ווארום דאָס לעבן פון דעם פלייש איז אין דעם בלוט, און איך האָב עס אַייך געגעבן אויפן מזבח מכפּר צו זיין אויף אַייערע נפשות; ווארום דאָס איז דאָס בלוט וואָס איז מכפּר, מיט דעם לעבן [וואָס אין אים]. 12 דרום זאָג איך צו די קינדער פון ישׂראל: קיין נפש פון אַייך זאָל ניט עסן בלוט; אויך דער פרעמדער וואָס האַלט זיך אויף צווישן אַייך, זאָל ניט עסן בלוט.

13 און יעטוועדער מאַן פון די קינדער פון ישׂראל, אָדער פון דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף צווישן זיי, וואָס וועט פאַנגען אַ געפאַנג פון אַ חיה אָדער אַ פויגל וואָס מעג געגעסן ווערן, זאָל אויסגיסן זיין בלוט, און עס צודעקן מיט ערד. 14 ווארום דאָס לעבן פון יעטוועדער פלייש—זיין בלוט דאָס איז זיין לעבן; דרום זאָג איך צו די קינדער פון ישׂראל: דאָס בלוט פון קיין פלייש זאָלט איר ניט עסן, ווארום דאָס לעבן פון יעטוועדער פלייש דאָס איז זיין בלוט; איטלעכער וואָס עסט עס, זאָל פאַר־שניטן ווערן. 15 און יעטוועדער מענטש וואָס וועט עסן געפאַלנס אָדער פאַרצוקטס, סיי דער אַיינגעבאָרענער, און סיי דער פרעמדער, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און באָדן זיין לייב אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט, און ווערן ריין. 16 און אויב ער וועט זיי ניט וואַשן, און זיין לייב ניט באָדן, וועט ער טראָגן זיין זינד.

י הָאִישׁ הַהוּא מֵעַמָּיו׃ וְאִישׁ אִישׁ מִבֵּית יִשְׂרָאֵל וּמִן
הַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכָם אֲשֶׁר יֹאכַל כָּל־דָּם וְנָתַתִּי פָנַי בַּנֶּפֶשׁ
יא הָאֹכֶלֶת אֶת־הַדָּם וְהִכְרַתִּי אֹתָהּ מִקֶּרֶב עַמָּהּ׃ כִּי
נֶפֶשׁ הַבָּשָׂר בַּדָּם הִוא וַאֲנִי נְתַתִּיו לָכֶם עַל־הַמִּזְבֵּחַ
יב לְכַפֵּר עַל־נַפְשֹׁתֵיכֶם כִּי־הַדָּם הוּא בַּנֶּפֶשׁ יְכַפֵּר׃ עַל־כֵּן
אָמַרְתִּי לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל כָּל־נֶפֶשׁ מִכֶּם לֹא־תֹאכַל דָּם וְהַגֵּר
יג הַגָּר בְּתוֹכְכֶם לֹא־יֹאכַל דָּם׃ וְאִישׁ אִישׁ מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וּמִן־הַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכָם אֲשֶׁר יָצוּד צֵיד חַיָּה אוֹ־עוֹף אֲשֶׁר
יד יֵאָכֵל וְשָׁפַךְ אֶת־דָּמוֹ וְכִסָּהוּ בֶּעָפָר׃ כִּי־נֶפֶשׁ כָּל־בָּשָׂר
דָּמוֹ בְנַפְשׁוֹ הוּא וָאֹמַר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל דַּם כָּל־בָּשָׂר לֹא
תֹאכֵלוּ כִּי נֶפֶשׁ כָּל־בָּשָׂר דָּמוֹ הִוא כָּל־אֹכְלָיו יִכָּרֵת׃
טו וְכָל־נֶפֶשׁ אֲשֶׁר תֹּאכַל נְבֵלָה וּטְרֵפָה בָּאֶזְרָח וּבַגֵּר וְכִבֶּס
טז בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָמֵא עַד־הָעֶרֶב וְטָהֵר׃ וְאִם לֹא יְכַבֵּס
וּבְשָׂרוֹ לֹא יִרְחָץ וְנָשָׂא עֲוֹנוֹ׃ פ

יח

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ ב דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
ג וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ כְּמַעֲשֵׂה אֶרֶץ־מִצְרַיִם
אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם־בָּהּ לֹא תַעֲשׂוּ וּכְמַעֲשֵׂה אֶרֶץ־כְּנַעַן אֲשֶׁר
אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה לֹא תַעֲשׂוּ וּבְחֻקֹּתֵיהֶם לֹא תֵלֵכוּ׃
ד אֶת־מִשְׁפָּטַי תַּעֲשׂוּ וְאֶת־חֻקֹּתַי תִּשְׁמְרוּ לָלֶכֶת בָּהֶם אֲנִי
ה יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־חֻקֹּתַי וְאֶת־מִשְׁפָּטַי אֲשֶׁר
ששי יַעֲשֶׂה אֹתָם הָאָדָם וָחַי בָּהֶם אֲנִי יְהוָה׃ ס ו אִישׁ אִישׁ
אֶל־כָּל־שְׁאֵר בְּשָׂרוֹ לֹא תִקְרְבוּ לְגַלּוֹת עֶרְוָה אֲנִי יְהוָה׃
ז ס עֶרְוַת אָבִיךָ וְעֶרְוַת אִמְּךָ לֹא תְגַלֵּה אִמְּךָ הִוא לֹא
ח תְגַלֶּה עֶרְוָתָהּ׃ ס עֶרְוַת אֵשֶׁת־אָבִיךָ לֹא תְגַלֵּה
ט עֶרְוַת אָבִיךָ הִוא׃ ס עֶרְוַת אֲחוֹתְךָ בַת־אָבִיךָ אוֹ
בַת־אִמֶּךָ מוֹלֶדֶת בַּיִת אוֹ מוֹלֶדֶת חוּץ לֹא תְגַלֶּה עֶרְוָתָן׃
י ס עֶרְוַת בַּת־בִּנְךָ אוֹ בַת־בִּתְּךָ לֹא תְגַלֶּה עֶרְוָתָן כִּי

יח 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 רעד צו די קינדער פון ישׂראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: איך בין יהוה אַייער גאָט. 3 אַזוי ווי די מעשׂים פון לאַנד מִצרַיִם וואָס איר זייט דערין געזעסן, זאָלט איר ניט טאָן; און אַזוי ווי די מעשׂים פון לאַנד כּנַעַן, וואָס איך ברענג אַייך אַהין, זאָלט איר ניט טאָן; און אין זייערע חוקים זאָלט איר ניט גיין. 4 מיינע געזעצן זאָלט איר טאָן, און מיינע חוקים זאָלט איר היטן צו גיין אין זיי; איך בין יהוה אַייער גאָט. 5 און איר זאָלט היטן מיינע חוקים און מיינע געזעצן, וואָס אַז אַ מענטש טוט זיי, לעבט ער דורך זיי: איך בין יהוה.

6 איר זאָלט ניט גענענען קיין איינער צו אַ שום לייבנאָנטער זיינער, צו אַנטפּלעקן די שאַנד: איך בין יהוה.

7 די שאַנד פון דיין פאָטער, און די שאַנד פון דיין מוטער, זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן: זי איז דיין מוטער, טאָרסטו ניט אַנטפּלעקן איר שאַנד.

8 די שאַנד פון דיין פאָטערס ווייב זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן; די שאַנד פון דיין פאָטער איז דאָס.

9 די שאַנד פון דיין שוועסטער, דיין פאָטערס טאָכטער, אָדער דיין מוטערס טאָכטער, געבאָרן אין הויז, אָדער געבאָרן פון אויסן—זייער שאַנד זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן.

10 די שאַנד פון דיין זונס טאָכטער, אָדער פון דיין טאָכטערס טאָכטער—זייער שאַנד זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן, ווארום דיין שאַנד זיינען זיי.

עֶרְוָתְךָ הֵנָּה׃ ס עֶרְוַת בַּת־אֵשֶׁת אָבִיךָ מוֹלֶדֶת יא
אָבִיךָ אֲחוֹתְךָ הִיא לֹא תְגַלֶּה עֶרְוָתָהּ׃ ס עֶרְוַת יב
אֲחוֹת־אָבִיךָ לֹא תְגַלֵּה שְׁאֵר אָבִיךָ הִוא׃ ס עֶרְוַת יג
אֲחוֹת־אִמְּךָ לֹא תְגַלֵּה כִּי־שְׁאֵר אִמְּךָ הִוא׃ ס עֶרְוַת יד
אֲחִי־אָבִיךָ לֹא תְגַלֵּה אֶל־אִשְׁתּוֹ לֹא תִקְרָב דֹּדָתְךָ הִוא׃
ס עֶרְוַת כַּלָּתְךָ לֹא תְגַלֵּה אֵשֶׁת בִּנְךָ הִוא לֹא תְגַלֶּה טו
עֶרְוָתָהּ׃ ס עֶרְוַת אֵשֶׁת־אָחִיךָ לֹא תְגַלֵּה עֶרְוַת טז
אָחִיךָ הִוא׃ ס עֶרְוַת אִשָּׁה וּבִתָּהּ לֹא תְגַלֵּה אֶת־ יז
בַּת־בְּנָהּ וְאֶת־בַּת־בִּתָּהּ לֹא תִקַּח לְגַלּוֹת עֶרְוָתָהּ שַׁאֲרָה
הֵנָּה זִמָּה הִוא׃ וְאִשָּׁה אֶל־אֲחֹתָהּ לֹא תִקָּח לִצְרֹר לְגַלּוֹת יח
עֶרְוָתָהּ עָלֶיהָ בְּחַיֶּיהָ׃ וְאֶל־אִשָּׁה בְּנִדַּת טֻמְאָתָהּ לֹא תִקְרַב יט
לְגַלּוֹת עֶרְוָתָהּ׃ וְאֶל־אֵשֶׁת עֲמִיתְךָ לֹא־תִתֵּן שְׁכָבְתְּךָ כ
לְזָרַע לְטָמְאָה־בָהּ׃ וּמִזַּרְעֲךָ לֹא־תִתֵּן לְהַעֲבִיר לַמֹּלֶךְ וְלֹא כא
תְחַלֵּל אֶת־שֵׁם אֱלֹהֶיךָ אֲנִי יְהוָה׃ וְאֶת־זָכָר לֹא תִשְׁכַּב כב (רב׳)
מִשְׁכְּבֵי אִשָּׁה תּוֹעֵבָה הִוא׃ וּבְכָל־בְּהֵמָה לֹא־תִתֵּן שְׁכָבְתְּךָ כג
לְטָמְאָה־בָהּ וְאִשָּׁה לֹא־תַעֲמֹד לִפְנֵי בְהֵמָה לְרִבְעָהּ תֶּבֶל
הוּא׃ אַל־תִּטַּמְּאוּ בְּכָל־אֵלֶּה כִּי בְכָל־אֵלֶּה נִטְמְאוּ הַגּוֹיִם כד
אֲשֶׁר־אֲנִי מְשַׁלֵּחַ מִפְּנֵיכֶם׃ וַתִּטְמָא הָאָרֶץ וָאֶפְקֹד עֲוֺנָהּ כה
עָלֶיהָ וַתָּקִא הָאָרֶץ אֶת־יֹשְׁבֶיהָ׃ וּשְׁמַרְתֶּם אַתֶּם אֶת־חֻקֹּתַי כו
וְאֶת־מִשְׁפָּטַי וְלֹא תַעֲשׂוּ מִכֹּל הַתּוֹעֵבֹת הָאֵלֶּה הָאֶזְרָח
וְהַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכְכֶם׃ כִּי אֶת־כָּל־הַתּוֹעֵבֹת הָאֵל עָשׂוּ אַנְשֵׁי־ כז
הָאָרֶץ אֲשֶׁר לִפְנֵיכֶם וַתִּטְמָא הָאָרֶץ׃ וְלֹא־תָקִיא הָאָרֶץ מפ׳
אֶתְכֶם בְּטַמַּאֲכֶם אֹתָהּ כַּאֲשֶׁר קָאָה אֶת־הַגּוֹי אֲשֶׁר
לִפְנֵיכֶם׃ כִּי כָּל־אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה מִכֹּל הַתּוֹעֵבֹת הָאֵלֶּה וְנִכְרְתוּ כט
הַנְּפָשׁוֹת הָעֹשֹׂת מִקֶּרֶב עַמָּם׃ וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־מִשְׁמַרְתִּי ל
לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת מֵחֻקּוֹת הַתּוֹעֵבֹת אֲשֶׁר נַעֲשׂוּ לִפְנֵיכֶם וְלֹא
תִטַּמְּאוּ בָּהֶם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ פ

יד׳ קמץ מוק   כז׳ סבירין האלה

11 די שאַנד פון דער טאָכטער פון דיין פאָטערס ווייב, געבאָרן פון דיין פאָטער–זי איז דיין שוועסטער, זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן איר שאַנד.

12 די שאַנד פון דיין פאָטערס שוועסטער זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן; דיין פאָטערס לייבנאָנטע איז זי.

13 די שאַנד פון דיין מוטערס שוועסטער זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן, וואָרום דיין מוטערס לייבנאָנטע איז זי.

14 די שאַנד פון דיין פאָטערס ברודער זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן: צו זיין ווייב זאָלסטו ניט גענענען; דיין מומע איז זי.

15 די שאַנד פון דיין שנור זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן; דיין זונס ווייב איז זי, טאָרסטו ניט אַנטפּלעקן איר שאַנד.

16 די שאַנד פון דיין ברודערס ווייב זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן: די שאַנד פון דיין ברודער איז דאָס.

17 די שאַנד פון אַ פרוי מיט איר טאָכטער זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן. איר זונס טאָכטער, אָדער איר טאָכטערס טאָכטער, זאָלסטו ניט נעמען, צו אַנטפּלעקן איר שאַנד; אירע לייבנאָנטע זיינען זיי, איז דאָס אַ שענדלעכקייט.

18 און אַ פרוי צו איר שוועסטער זאָלסטו ניט נעמען צו זיין אַ מיטווייב, צו אַנטפּלעקן איר שאַנד לעבן יענער ביי איר לעבן.

19 און צו אַ פרוי אין דער אָפּזונדערונג פון איר אומריינקייט זאָלסטו ניט גענענען צו אַנטפּלעקן איר שאַנד.

20 און מיט דער ווייב פון דיין חבר זאָלסטו ניט האָבן אַ ביישלאָף פון זאָמען, זיך צו פאַראומרייניקן מיט איר.

21 און פון דיינע קינדער זאָלסטו ניט געבן אויף מקריב זיין צו מולך, און זאָלסט ניט פאַרשוועכן דעם נאָמען פון דיין גאָט: איך בין יהוה.

22 און מיט אַ מאַנספּאַרשוין זאָלסטו ניט ליגן אַזוי ווי מע ליגט מיט אַ פרוי; אַן אומווערדיקייט איז דאָס.

23 און מיט קיין בהמה זאָלסטו ניט ליגן, זיך צו פאַראומרייניקן מיט איר; און אַ פרוי זאָל ניט שטיין פאַר אַ בהמה צו ליגן מיט איר; אַ פאַרמישונג איז דאָס.

24 איר זאָלט אייך ניט פאַראומרייניקן מיט אַלע דידאָזיקע, וואָרום מיט אַלע דידאָזיקע האָבן זיך פאַראומרייניקט די פעלקער וואָס איך טרייב אַרויס פון פאַר אייך. 25 און דאָס לאַנד איז געוואָרן אומריין, און איך האָב זיך אָפּגערעכנט מיט איר פאַר אירע זינד, און דאָס לאַנד האָט אַרויסגעשפּיגן אירע באַוווינער. 26 דרום זאָלט איר היטן מיינע חוקים און מיינע געזעצן, און איר זאָלט ניט טאָן פון אַלע דידאָזיקע אומווערדיקייטן, סיי דער איינגעבאָרענער, און סיי דער פרעמדער וואָס האַלט זיך אויף צווישן אייך– 27 וואָרום אַלע דידאָזיקע אומווערדיקייטן האָבן געטאָן די מענטשן פון לאַנד וואָס פאַר אייך, און דאָס לאַנד איז געוואָרן אומריין– 28 כדי דאָס לאַנד זאָל אייך ניט אויסשפּייען, אַז איר וועט עס פאַראומרייניקן, אַזוי ווי עס האָט אויסגעשפּיגן דאָס פאָלק וואָס פאַר אייך. 29 וואָרום איטלעכער וואָס וועט טאָן פון אַלע דידאָזיקע אומווערדיקייטן–די נפשות וואָס טוען עס, זאָלן פאַרשניטן ווערן פון צווישן זייער פאָלק. 30 און איר זאָלט היטן מיין היטונג, ניט צו טאָן פון די אומווערדיקע איינפירן וואָס זיינען געטאָן געוואָרן פאַר אייך, און איר זאָלט אייך ניט פאַראומרייניקן מיט זיי: איך בין יהוה אייער גאָט.

# קְדֹשִׁים

יט

א ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי־
יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם קְדֹשִׁים תִּהְיוּ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי יְהוָה
ג אֱלֹהֵיכֶם׃ אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ וְאֶת־שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ
ד אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ אַל־תִּפְנוּ אֶל־הָאֱלִילִם וֵאלֹהֵי מַסֵּכָה
ה לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְכִי תִזְבְּחוּ זֶבַח
ו שְׁלָמִים לַיהוָה לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחֻהוּ׃ בְּיוֹם זִבְחֲכֶם יֵאָכֵל
ז וּמִמָּחֳרָת וְהַנּוֹתָר עַד־יוֹם הַשְּׁלִישִׁי בָּאֵשׁ יִשָּׂרֵף׃ וְאִם
ח הֵאָכֹל יֵאָכֵל בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי פִּגּוּל הוּא לֹא יֵרָצֶה׃ וְאֹכְלָיו
עֲוֺנוֹ יִשָּׂא כִּי־אֶת־קֹדֶשׁ יְהוָה חִלֵּל וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא
ט מֵעַמֶּיהָ׃ וּבְקֻצְרְכֶם אֶת־קְצִיר אַרְצְכֶם לֹא תְכַלֶּה פְּאַת
י שָׂדְךָ לִקְצֹר וְלֶקֶט קְצִירְךָ לֹא תְלַקֵּט׃ וְכַרְמְךָ לֹא תְעוֹלֵל
וּפֶרֶט כַּרְמְךָ לֹא תְלַקֵּט לֶעָנִי וְלַגֵּר תַּעֲזֹב אֹתָם אֲנִי יְהוָה
יא אֱלֹהֵיכֶם׃ לֹא תִּגְנֹבוּ וְלֹא־תְכַחֲשׁוּ וְלֹא־תְשַׁקְּרוּ אִישׁ
יב בַּעֲמִיתוֹ׃ וְלֹא־תִשָּׁבְעוּ בִשְׁמִי לַשָּׁקֶר וְחִלַּלְתָּ אֶת־שֵׁם
יג אֱלֹהֶיךָ אֲנִי יְהוָה׃ לֹא־תַעֲשֹׁק אֶת־רֵעֲךָ וְלֹא תִגְזֹל לֹא־
יד תָלִין פְּעֻלַּת שָׂכִיר אִתְּךָ עַד־בֹּקֶר׃ לֹא־תְקַלֵּל חֵרֵשׁ וְלִפְנֵי
שני (חמ׳) עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל וְיָרֵאתָ מֵּאֱלֹהֶיךָ אֲנִי יְהוָה׃ לֹא־תַעֲשׂוּ
עָוֶל בַּמִּשְׁפָּט לֹא־תִשָּׂא פְנֵי־דָל וְלֹא תֶהְדַּר פְּנֵי גָדוֹל
טו בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט עֲמִיתֶךָ׃ לֹא־תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּיךָ לֹא תַעֲמֹד
טז עַל־דַּם רֵעֶךָ אֲנִי יְהוָה׃ לֹא־תִשְׂנָא אֶת־אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ
יז הוֹכֵחַ תּוֹכִיחַ אֶת־עֲמִיתֶךָ וְלֹא־תִשָּׂא עָלָיו חֵטְא׃ לֹא־
יח תִקֹּם וְלֹא־תִטֹּר אֶת־בְּנֵי עַמֶּךָ וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי
יט יְהוָה׃ אֶת־חֻקֹּתַי תִּשְׁמֹרוּ בְּהֶמְתְּךָ לֹא־תַרְבִּיעַ כִּלְאַיִם
שָׂדְךָ לֹא־תִזְרַע כִּלְאָיִם וּבֶגֶד כִּלְאַיִם שַׁעַטְנֵז לֹא יַעֲלֶה
כ עָלֶיךָ׃ וְאִישׁ כִּי־יִשְׁכַּב אֶת־אִשָּׁה שִׁכְבַת־זֶרַע וְהִוא שִׁפְחָה
נֶחֱרֶפֶת לְאִישׁ וְהָפְדֵּה לֹא נִפְדָּתָה אוֹ חֻפְשָׁה לֹא נִתַּן־

יט 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 רעד צו דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

הייליק זאָלט איר זיין, וואָרום איך יהוה אַייער גאָט בין הייליק. 3 איר זאָלט איטלעכער האָבן אָפּשיי פאַר זיין מוטער און זיין פאָטער, און מיינע שבתים זאָלט איר היטן: איך בין יהוה אַייער גאָט.

4 איר זאָלט אַייך ניט קערן צו די געצן, און געגאָסענע געטער זאָלט איר אַייך ניט מאַכן: איך בין יהוה אַייער גאָט.

5 און אַז איר וועט שלאַכטן אַ פרידאָפּפער צו גאָט, זאָלט איר עס שלאַכטן אַז איר זאָלט באַוויליקט ווערן. 6 אין דעם טאָג פון אַייער שלאַכטונג זאָל עס געגעסן ווערן, און אויף מאָרגן; און וואָס בלייבט איבער ביז אויפן דריטן טאָג, זאָל אין פייער פאַרברענט ווערן. 7 און אויב געגעסן וועט עס געגעסן ווערן אויפן דריטן טאָג, איז דאָס אַן אומווערדיקייט; עס וועט ניט באַוויליקט ווערן. 8 און דער וואָס עסט דאָס, וועט טראָגן זיין זינד, וואָרום אַ הייליקייט פון גאָט האָט ער פאַרשוועכט; און יענע זעל זאָל פאַרשניטן ווערן פון איר פאָלק.

9 און אַז איר שניידט דעם שניט פון אַייער לאַנד, זאָלסטו ניט דערענדיקן שניידן דעם עק פון דיין פעלד, און דעם נאָכקלייב פון דיין שניט זאָלסטו ניט נאָכקלייבן. 10 און דיין ווייַנגאָרטן זאָלסטו ניט אַרומקלייבן ריין, און דאָס אַראָפּגעפאַלענע פון דיין ווייַנגאָרטן זאָלסטו ניט אויפקלייבן; פאַרן אָרימאַן און פאַרן פרעמדן זאָלסטו זיי איבערלאָזן: איך בין יהוה אַייער גאָט.

11 איר זאָלט ניט גנבעִן, און איר זאָלט ניט פאַרלייקענען, און איר זאָלט ניט זאָגן ליגן איינער דעם אַנדערן. 12 און איר זאָלט ניט שווערן ביי מיין נאָמען צום פאַלשן, און פאַרשוועכן דעם נאָמען פון דיין גאָט: איך בין יהוה.

13 זאָלסט ניט דריקן דיין חבר, און ניט באַגזלען. זאָלסט ניט לאָזן איבערנעכטיקן דעם לוין פון אַ געדונגענעם ביי דיר ביז אין דער פרי. 14 זאָלסט ניט שילטן אַ טויבן, און פאַר אַ בלינדן זאָלסטו ניט לייגן אַ שטרויכלונג; און זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין גאָט: איך בין יהוה.

15 איר זאָלט ניט טאָן אַן עוולה אין אַ משפט; זאָלסט ניט שוינען דעם פנים פון אַן אָרימאַן, און ניט שאַנעווען דעם פנים פון אַ גרויסן מאַן; מיט גערעכטיקייט זאָלסטו משפטן דיין חבר. 16 זאָלסט ניט אַרומגיין מיט רכילות צווישן דיין פאָלק; זאָלסט ניט שטיין רואיק ביי דעם בלוט פון דיין חבר: איך בין יהוה.

17 זאָלסט ניט פיינט האָבן דיין ברודער אין דיין האַרצן; אויסרעדן זאָלסטו אויסרעדן דיין חבר, כדי זאָלסט ניט טראָגן איבער אים אַ זינד. 18 זאָלסט זיך ניט נוקם זיין, און ניט האַלטן אַ שנאה אויף די קינדער פון דיין פאָלק; נייערט זאָלסט ליב האָבן דיין חבר אַזוי ווי זיך אַליין: איך בין יהוה.

19 מיינע געזעצן זאָלט איר היטן. דיין בהמה זאָלסטו ניט פאָרן געמישט; דיין פעלד זאָלסטו ניט פאַרזייען געמישט; און אַ בגד פון געמישטן געוואַנט, שעטנז, זאָל ניט אַרויפקומען אויף דיר.

20 און אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט אַ פרוי אַ ביישלאָף פון זאָמען, און זי איז אַ דינסט וואָס איז באַשטימט פאַר אַ מאַן, אָבער אויסגעלייזט איז זי ניט אויסגעלייזט געוואָרן, אָדער פרייַשאַפט איז איר ניט געגעבן געוואָרן,

לָ֫הּ בִּקֹּרֶת תִּהְיֶה לֹא יוּמְתוּ כִּי־לֹא חֻפָּשָׁה׃ וְהֵבִיא אֶת־ כא
אֲשָׁמוֹ לַיהוָה אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד אֵיל אָשָׁם׃ וְכִפֶּר כב
עָלָיו הַכֹּהֵן בְּאֵיל הָאָשָׁם לִפְנֵי יְהוָה עַל־חַטָּאתוֹ אֲשֶׁר
חָטָא וְנִסְלַח לוֹ מֵחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא׃ פ
וְכִי־תָבֹאוּ אֶל־הָאָרֶץ וּנְטַעְתֶּם כָּל־עֵץ מַאֲכָל וַעֲרַלְתֶּם של'
עָרְלָתוֹ אֶת־פִּרְיוֹ שָׁלֹשׁ שָׁנִים יִהְיֶה לָכֶם עֲרֵלִים לֹא יֵאָכֵל׃
וּבַשָּׁנָה הָרְבִיעִת יִהְיֶה כָּל־פִּרְיוֹ קֹדֶשׁ הִלּוּלִים לַיהוָה׃ כד
וּבַשָּׁנָה הַחֲמִישִׁת תֹּאכְלוּ אֶת־פִּרְיוֹ לְהוֹסִיף לָכֶם תְּבוּאָתוֹ כה
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ לֹא תֹאכְלוּ עַל־הַדָּם לֹא תְנַחֲשׁוּ כו
וְלֹא תְעוֹנֵנוּ׃ לֹא תַקִּפוּ פְּאַת רֹאשְׁכֶם וְלֹא תַשְׁחִית אֵת כז
פְּאַת זְקָנֶךָ׃ וְשֶׂרֶט לָנֶפֶשׁ לֹא תִתְּנוּ בִּבְשַׂרְכֶם וּכְתֹבֶת כח
קַעֲקַע לֹא תִתְּנוּ בָּכֶם אֲנִי יְהוָה׃ אַל־תְּחַלֵּל אֶת־בִּתְּךָ כט
לְהַזְנוֹתָהּ וְלֹא־תִזְנֶה הָאָרֶץ וּמָלְאָה הָאָרֶץ זִמָּה׃ אֶת־ ל
שַׁבְּתֹתַי תִּשְׁמֹרוּ וּמִקְדָּשִׁי תִּירָאוּ אֲנִי יְהוָה׃ אַל־תִּפְנוּ לא
אֶל־הָאֹבֹת וְאֶל־הַיִּדְּעֹנִים אַל־תְּבַקְשׁוּ לְטָמְאָה בָהֶם אֲנִי
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ מִפְּנֵי שֵׂיבָה תָּקוּם וְהָדַרְתָּ פְּנֵי זָקֵן וְיָרֵאתָ לב
מֵּאֱלֹהֶיךָ אֲנִי יְהוָה׃ ס וְכִי־יָגוּר אִתְּךָ גֵּר בְּאַרְצְכֶם לֹא רב' (ששי)
תוֹנוּ אֹתוֹ׃ כְּאֶזְרָח מִכֶּם יִהְיֶה לָכֶם הַגֵּר ׀ הַגָּר אִתְּכֶם לד
וְאָהַבְתָּ לוֹ כָּמוֹךָ כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם אֲנִי יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם׃ לֹא־תַעֲשׂוּ עָוֶל בַּמִּשְׁפָּט בַּמִּדָּה בַּמִּשְׁקָל לה
וּבַמְּשׂוּרָה׃ מֹאזְנֵי צֶדֶק אַבְנֵי־צֶדֶק אֵיפַת צֶדֶק וְהִין צֶדֶק לו
יִהְיֶה לָכֶם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר־הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ
מִצְרָיִם׃ וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־כָּל־חֻקֹּתַי וְאֶת־כָּל־מִשְׁפָּטַי לז
וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם אֲנִי יְהוָה׃ פ

כ

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ וְאֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תֹּאמַר חמ' ב
אִישׁ אִישׁ מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּמִן־הַגֵּר ׀ הַגָּר בְּיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
יִתֵּן מִזַּרְעוֹ לַמֹּלֶךְ מוֹת יוּמָת עַם הָאָרֶץ יִרְגְּמֻהוּ בָאָבֶן׃

זאָל זיין אַן אויספאָרשונג; זיי זאָלן ניט געטייט ווערן, וואָרום זי איז ניט באַפרייט געוואָרן. [21] און ער זאָל ברענגען זיין שולדאָפּפער צו גאָט, צום אַיינגאַנג פון אוהל־מועד; אַ ווידער פאַר אַ שולדאָפּפער. [22] און דער כּהן זאָל מכפּר זיין אויף אים מיט דעם ווידער פון שולד־אָפּפער פאַר גאָט, וועגן זיין זינד וואָס ער האָט געזינדיקט; און אים וועט פאַרגעבן ווערן פאַר זיין זינד וואָס ער האָט געזינדיקט.

[23] און אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד, און וועט פלאַנצן אַלערליי עסביימער, זאָלט איר לאָזן זייער פרוכט אומבאַשניטן; דריי יאָר זאָל עס אַייך זיין אומ־באַשניטן, עס זאָל ניט געגעסן ווערן. [24] און אויפן פירטן יאָר זאָל זייער גאַנצע פרוכט זיין הייליק פאַר אַ לויב־געבונג צו גאָט. [25] און אויפן פינפטן יאָר מעגט איר עסן זייער פרוכט, כּדי אַייך זאָל צוקומען זייער אַיינטראָג: איך בין יהוה אַייער גאָט.

[26] איר זאָלט ניט עסן מיטן בלוט.

איר זאָלט ניט צויבערן און ניט וואָרזאָגן.

[27] איר זאָלט ניט אָפּשניידן רונד די ברעגן פון אַייער קאָפּ; און זאָלסט ניט פאַרדאַרבן די ברעגן פון דיין באָרד.

[28] און אַ שניט נאָך אַ טויטן זאָלט איר ניט מאַכן אויף אַייער לייב, און אַן אויסגעשטאָכן געשריפטס זאָלט איר אויף זיך ניט מאַכן: איך בין יהוה.

[29] זאָלסט ניט פאַרשוועכן דיין טאָכטער זי צו מאַכן פאַר אַ זונה, כּדי דאָס לאַנד זאָל ניט אויסגעלאַסן ווערן, און דאָס לאַנד וועט פול ווערן מיט שענדלעכקייט.

[30] מיינע שבתים זאָלט איר היטן, און פאַר מיין הייליקטום זאָלט איר האָבן אָפּשיי: איך בין יהוה.

[31] איר זאָלט אַייך ניט קערן צו גייסטער, און ביי רוחות זאָלט איר ניט פרעגן, זיך צו פאַראומרייניקן מיט זיי: איך בין יהוה אַייער גאָט.

[32] פאַר אַ גרייז זאָלסטו אויפשטיין, און זאָלסט שאַנעווען דעם פּנים פון אַ זקן, און מורא האָבן פאַר דיין גאָט: איך בין יהוה.

[33] און אַז ביי דיר וועט זיך אויפהאַלטן אַ פרעמדער אין אַייער לאַנד. זאָלסטו אים ניט קריוודען. [34] אַזוי ווי אַן אַיינגעבאָרענער פון אַייך זאָל אַייך זיין דער פרעמדער וואָס האַלט זיך אויף ביי אַייך; און זאָלסט אים ליב האָבן אַזוי ווי זיך אַליין; וואָרום פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מִצרַיִם: איך בין יהוה אַייער גאָט.

[35] איר זאָלט ניט טאָן אַן עוולה אין אַ משפּט, אין מעסטשטאָק, אין וואָג, אָדער אין מאָס. [36] אַ ריכטיקע וואָג־שאָל, ריכטיקע וואָגשטיינער, אַ ריכטיקע אֵיפָה, און אַ ריכטיקער הין, זאָל ביי אַייך זיין: איך בין יהוה אַייער גאָט, וואָס האָב אַייך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם. [37] און איר זאָלט היטן אַלע מיינע חוקים, און אַלע מיינע געזעצן, און זיי טאָן: איך בין יהוה.

כ [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] אויך זאָלסטו זאָגן צו די קינדער פון ישׂראל: יעטוועדער מאַן פון די קינדער פון ישׂראל, אָדער פון דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף אין ישׂראל, וואָס וועט געבן פון זיינע קינדער צו מולך, זאָל טייטן געטייט ווערן; דאָס פאָלק פון לאַנד זאָל אים פאַרוואַרפן מיט שטיינער.

ג וַאֲנִי אֶתֵּן אֶת־פָּנַי בָּאִישׁ הַהוּא וְהִכְרַתִּי אֹתוֹ מִקֶּרֶב עַמּוֹ
כִּי מִזַּרְעוֹ נָתַן לַמֹּלֶךְ לְמַעַן טַמֵּא אֶת־מִקְדָּשִׁי וּלְחַלֵּל אֶת־
ד שֵׁם קָדְשִׁי׃ וְאִם הַעְלֵם יַעְלִימוּ עַם הָאָרֶץ אֶת־עֵינֵיהֶם
מִן־הָאִישׁ הַהוּא בְּתִתּוֹ מִזַּרְעוֹ לַמֹּלֶךְ לְבִלְתִּי הָמִית אֹתוֹ׃
ה וְשַׂמְתִּי אֲנִי אֶת־פָּנַי בָּאִישׁ הַהוּא וּבְמִשְׁפַּחְתּוֹ וְהִכְרַתִּי
אֹתוֹ וְאֵת ׀ כָּל־הַזֹּנִים אַחֲרָיו לִזְנוֹת אַחֲרֵי הַמֹּלֶךְ מִקֶּרֶב
ו עַמָּם׃ וְהַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר תִּפְנֶה אֶל־הָאֹבֹת וְאֶל־הַיִּדְּעֹנִים
לִזְנֹת אַחֲרֵיהֶם וְנָתַתִּי אֶת־פָּנַי בַּנֶּפֶשׁ הַהִוא וְהִכְרַתִּי אֹתוֹ
ז מִקֶּרֶב עַמּוֹ׃ וְהִתְקַדִּשְׁתֶּם וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים כִּי אֲנִי יְהוָה
ששי (שב׳) אֱלֹהֵיכֶם׃ וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־חֻקֹּתַי וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם אֲנִי יְהוָה
ט מְקַדִּשְׁכֶם׃ כִּי־אִישׁ אִישׁ אֲשֶׁר יְקַלֵּל אֶת־אָבִיו וְאֶת־אִמּוֹ
י מוֹת יוּמָת אָבִיו וְאִמּוֹ קִלֵּל דָּמָיו בּוֹ׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִנְאַף
אֶת־אֵשֶׁת אִישׁ אֲשֶׁר יִנְאַף אֶת־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ מוֹת־יוּמַת
יא הַנֹּאֵף וְהַנֹּאָפֶת׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִשְׁכַּב אֶת־אֵשֶׁת אָבִיו עֶרְוַת
יב אָבִיו גִּלָּה מוֹת־יוּמְתוּ שְׁנֵיהֶם דְּמֵיהֶם בָּם׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר
יִשְׁכַּב אֶת־כַּלָּתוֹ מוֹת יוּמְתוּ שְׁנֵיהֶם תֶּבֶל עָשׂוּ דְּמֵיהֶם
יג בָּם׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִשְׁכַּב אֶת־זָכָר מִשְׁכְּבֵי אִשָּׁה תּוֹעֵבָה
יד עָשׂוּ שְׁנֵיהֶם מוֹת יוּמָתוּ דְּמֵיהֶם בָּם׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִקַּח
אֶת־אִשָּׁה וְאֶת־אִמָּהּ זִמָּה הִוא בָּאֵשׁ יִשְׂרְפוּ אֹתוֹ וְאֶתְהֶן
טו וְלֹא־תִהְיֶה זִמָּה בְּתוֹכְכֶם׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִתֵּן שְׁכָבְתּוֹ
טז בִּבְהֵמָה מוֹת יוּמָת וְאֶת־הַבְּהֵמָה תַּהֲרֹגוּ׃ וְאִשָּׁה אֲשֶׁר
תִּקְרַב אֶל־כָּל־בְּהֵמָה לְרִבְעָה אֹתָהּ וְהָרַגְתָּ אֶת־הָאִשָּׁה
יז וְאֶת־הַבְּהֵמָה מוֹת יוּמָתוּ דְּמֵיהֶם בָּם׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר־יִקַּח
אֶת־אֲחֹתוֹ בַּת־אָבִיו אוֹ בַת־אִמּוֹ וְרָאָה אֶת־עֶרְוָתָהּ וְהִיא
תִרְאֶה אֶת־עֶרְוָתוֹ חֶסֶד הוּא וְנִכְרְתוּ לְעֵינֵי בְּנֵי עַמָּם
יח עֶרְוַת אֲחֹתוֹ גִּלָּה עֲוֺנוֹ יִשָּׂא׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר־יִשְׁכַּב אֶת־אִשָּׁה
דָּוָה וְגִלָּה אֶת־עֶרְוָתָהּ אֶת־מְקֹרָהּ הֶעֱרָה וְהִוא גִּלְּתָה אֶת־
יט מְקוֹר דָּמֶיהָ וְנִכְרְתוּ שְׁנֵיהֶם מִקֶּרֶב עַמָּם׃ וְעֶרְוַת אֲחוֹת

יג׳ בז׳ קמץ בטרחא

[3] און איך וועל קערן מיין פנים קעגן יענעם מענטשן, און וועל אים פאַרשניידן פון צווישן זיין פאָלק, ווייל ער האָט געגעבן פון זיינע קינדער צו מולֶך, כדי צו פאַראומרייניקן מיין הייליקטום, און צו פאַרשוועכן מיין הייליקן נאָמען. [4] און אויב פאַרהוילן וועט פאַרהוילן דאָס פאָלק פון לאַנד זייערע אויגן פון יענעם מענטשן, ווען ער גיט פון זיינע קינדער צו מולֶך, אים ניט צו טייטן, [5] וועל איך קערן מיין פנים קעגן יענעם מענטשן, און קעגן זיין משפחה, און איך וועל אים, און אַלע וואָס זיינען פאַרפירט נאָך אים צו זיין פאַרפירט נאָך מולֶך, פאַרשניידן פון צווישן זייער פאָלק. [6] און די זעל וואָס וועט זיך ווענדן צו גייסטער און צו רוחות, צו זיין פאַרפירט נאָך זיי, וועל איך קערן מיין פנים קעגן יענער זעל, און וועל אים פאַרשניידן פון צווישן זיין פאָלק. [7] און איר זאָלט אַייך הייליקן, און זיין הייליק, וואָרום איך בין יהוה אַייער גאָט. [8] און איר זאָלט היטן מיינע געזעצן און זיי טאָן: איך בין יהוה וואָס הייליקט אַייך. [9] וואָרום יעטוועדער איינער וואָס וועט שילטן זיין פאָטער אָדער זיין מוטער, זאָל טייטן געטייט ווערן; זיין פאָטער אָדער זיין מוטער האָט ער געשאָלטן, זיין בלוט אויף אים! [10] און אַ מאַן וואָס וועט מְזַנה זיין מיט אַן אֵשֶׁת־איש—אַז ער וועט מְזַנה זיין מיט זיין חברס ווייב, זאָל טייטן געטייט ווערן אי דער מאַן, אי די פרוי, וואָס האָט מְזַנה געווען. [11] און אַ מאַן, אַז ער וועט ליגן מיט זיין פאָטערס ווייב, האָט ער די שאַנד פון זיין פאָטער אַנט־פּלעקט; טייטן געטייט ווערן זאָלן זיי ביידע; זייער בלוט אויף זיי! [12] און אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט זיין שנור, זאָלן זיי טייטן געטייט ווערן ביידע; אַ פאַרמישונג זיינען זיי באַגאַנגען, זייער בלוט אויף זיי! [13] און אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט אַ מאַנספּאַרשוין אַזוי ווי מע ליגט מיט אַ פרוי האָבן זיי ביידע אַן אומווערדיקייט געטאָן; טייטן זאָלן זיי געטייט ווערן; זייער בלוט אויף זיי! [14] און אַז אַ מאַן וועט נעמען אַ פרוי מיט איר מוטער, איז דאָס אַ שענדלעכקייט; אין פייער זאָל מען פאַרברענען אי אים, אי זיי, כדי עס זאָל ניט זיין קיין שענדלעכקייט צווישן אַייך. [15] און אַ מאַן וואָס וועט ליגן מיט אַ בהמה, זאָל ער טייטן געטייט ווערן, און די בהמה זאָלט איר הרגען. [16] און אַז אַ פרוי וועט גענענען צו וואָסער עס איז בהמה צו ליגן מיט איר, זאָלסטו הרגען אי די פרוי, אי די בהמה; טייטן מוזן זיי געטייט ווערן, זייער בלוט אויף זיי! [17] און אַז אַ מאַן וועט נעמען זיין שוועסטער, זיין פאָטערס טאָכטער, אָדער זיין מוטערס טאָכטער, און ער וועט זען איר שאַנד, און זי וועט זען זיין שאַנד, איז דאָס אַ שאַנדהאַפטיקייט, און זיי זאָלן פאַרשניטן ווערן פאַר די אויגן פון די קינדער פון זייער פאָלק; די שאַנד פון זיין שוועסטער האָט ער אַנטפּלעקט, זאָל ער טראָגן זיין זינד. [18] און אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט אַ פרוי אין איר קראַנקשאַפט, און וועט אַנטפּלעקן איר שאַנד—ער האָט אַנטבלויזט איר קוואַל, און זי האָט אַנטפּלעקט דעם קוואַל פון איר בלוט, זאָלן זיי ביידע פאַרשניטן ווערן פון צווישן זייער פאָלק. [19] און די שאַנד פון

אִמְּךָ וַאֲחוֹת אָבִיךָ לֹא תְגַלֵּה כִּי אֶת־שְׁאֵרוֹ הֶעֱרָה עֲוֺנָם
יִשָּׂאוּ׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִשְׁכַּב אֶת־דֹּדָתוֹ עֶרְוַת דֹּדוֹ גִּלָּה כ
חֶטְאָם יִשָּׂאוּ עֲרִירִים יָמֻתוּ׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר יִקַּח אֶת־אֵשֶׁת כא
אָחִיו נִדָּה הִוא עֶרְוַת אָחִיו גִּלָּה עֲרִירִים יִהְיוּ׃ וּשְׁמַרְתֶּם כב
אֶת־כָּל־חֻקֹּתַי וְאֶת־כָּל־מִשְׁפָּטַי וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְלֹא־תָקִיא
אֶתְכֶם הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם שָׁמָּה לָשֶׁבֶת בָּהּ׃
וְלֹא תֵלְכוּ בְּחֻקֹּת הַגּוֹי אֲשֶׁר־אֲנִי מְשַׁלֵּחַ מִפְּנֵיכֶם כִּי שב'
אֶת־כָּל־אֵלֶּה עָשׂוּ וָאָקֻץ בָּם׃ וָאֹמַר לָכֶם אַתֶּם תִּירְשׁוּ כד
אֶת־אַדְמָתָם וַאֲנִי אֶתְּנֶנָּה לָכֶם לָרֶשֶׁת אֹתָהּ אֶרֶץ זָבַת
חָלָב וּדְבָשׁ אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר־הִבְדַּלְתִּי אֶתְכֶם
מִן־הָעַמִּים׃ וְהִבְדַּלְתֶּם בֵּין־הַבְּהֵמָה הַטְּהֹרָה לַטְּמֵאָה מפ'
וּבֵין־הָעוֹף הַטָּמֵא לַטָּהֹר וְלֹא־תְשַׁקְּצוּ אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם
בַּבְּהֵמָה וּבָעוֹף וּבְכֹל אֲשֶׁר תִּרְמֹשׂ הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־הִבְדַּלְתִּי
לָכֶם לְטַמֵּא׃ וִהְיִיתֶם לִי קְדֹשִׁים כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי יְהוָה כו
וָאַבְדִּל אֶתְכֶם מִן־הָעַמִּים לִהְיוֹת לִי׃ וְאִישׁ אוֹ־אִשָּׁה כִּי־ כז
יִהְיֶה בָהֶם אוֹב אוֹ יִדְּעֹנִי מוֹת יוּמָתוּ בָּאֶבֶן יִרְגְּמוּ אֹתָם
דְּמֵיהֶם בָּם׃ פ

דיין מוטערס שוועסטער, אָדער פון דיין פאָטערס שוועסטער, זאָלסטו ניט אַנטפּלעקן; וואָרום זיין לייב־נאָנטע אַנטבלויזט ער; זיי זאָלן טראָגן זייער זינד. [20] און אַז אַ מאַן וועט ליגן מיט זיין מומען, האָט ער די שאַנד פון זיין פעטער אַנטפּלעקט; זיי זאָלן טראָגן זייער זינד; אָן קינדער זאָלן זיי שטאַרבן. [21] און אַז אַ מאַן וועט נעמען זיין ברודערס ווייב, איז דאָס אַן אומריינקייט; די שאַנד פון זיין ברודער האָט ער אַנטפּלעקט; אָן קינדער זאָלן זיי בלייבן.

[22] און איר זאָלט היטן אַלע מיינע חוקים, און אַלע מיינע געזעצן, און זיי טאָן, כּדי דאָס לאַנד וואָס איך ברענג אייך אַהין, זיך צו באַזעצן דרינען, זאָל אייך ניט אַרויסשפּייען. [23] און איר זאָלט ניט גיין אין די איינפירן פון דעם פאָלק וואָס איך פאַרטרייב פון פאַר אייך; וואָרום דאָס אַלץ האָבן זיי געטאָן, און איך האָב מיך פאַר־עקלט מיט זיי. [24] און איך האָב געזאָגט צו אייך: איר וועט אַרבן זייער ערד, און איך וועל זי אייך געבן זי צו אַרבן—אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. איך בין יהוה אייער גאָט וואָס האָב אייך אָפּגעשיידט פון די אומות. [25] דרום זאָלט איר אָפּשיידן צווישן דער ריינער בהמה און דער אומריינער, און צווישן דעם אומריינעם פויגל און דעם ריינעם, און איר זאָלט ניט פאַראומווערדיקן אייער זעל מיט אַ בהמה, אָדער מיט אַ פויגל, אָדער מיט וואָס נאָר די ערד ווידמענט, וואָס איך האָב אָפּגעשיידט צו מאַכן אומריין פאַר אייך. [26] און איר זאָלט מיר זיין הייליק, וואָרום איך יהוה בין הייליק, און איך האָב אייך אָפּגע־שיידט פון די אומות, צו געהערן צו מיר.

[27] און אַ מאַן אָדער אַ פרוי, אַז זיי וועלן זיך פאַרנעמען מיט אַ גייסט אָדער אַ רוח, זאָלן זיי טייטן געטייט ווערן; מיט שטיינער זאָל מען זיי פאַרוואַרפן; זייער בלוט אויף זיי!

# אֱמוֹר

## כא

וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה אֱמֹר אֶל־הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן א
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם לְנֶפֶשׁ לֹא־יִטַּמָּא בְּעַמָּיו׃ כִּי אִם־לִשְׁאֵרוֹ ב
הַקָּרֹב אֵלָיו לְאִמּוֹ וּלְאָבִיו וְלִבְנוֹ וּלְבִתּוֹ וּלְאָחִיו׃ וְלַאֲחֹתוֹ ג
הַבְּתוּלָה הַקְּרוֹבָה אֵלָיו אֲשֶׁר לֹא־הָיְתָה לְאִישׁ לָהּ יִטַּמָּא׃
לֹא יִטַּמָּא בַּעַל בְּעַמָּיו לְהֵחַלּוֹ׃ לֹא־יִקְרְחָה קָרְחָה בְּרֹאשָׁם ד ה
וּפְאַת זְקָנָם לֹא יְגַלֵּחוּ וּבִבְשָׂרָם לֹא יִשְׂרְטוּ שָׂרָטֶת׃
קְדֹשִׁים יִהְיוּ לֵאלֹהֵיהֶם וְלֹא יְחַלְּלוּ שֵׁם אֱלֹהֵיהֶם כִּי ו
אֶת־אִשֵּׁי יְהוָה לֶחֶם אֱלֹהֵיהֶם הֵם מַקְרִיבִם וְהָיוּ קֹדֶשׁ׃

כא, ה׳ יקרחו ק

כא [1] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: רעד צו די כּהנים, די זין פון אַהרנען, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

קיינער זאָל זיך ניט פאַראומריינִיקן אָן אַ טויטן צווישן זיין פאָלק; [2] סיידן אָן זיינעם אַ לייב־קרוב וואָס איז נאָנט צו אים, אָן זיין מוטער, און אָן זיין פאָטער, און אָן זיין זון, און אָן זיין טאָכטער, און אָן זיין ברודער; [3] און אָן זיין שוועסטער אַ יונגפרוי, וואָס איז נאָנט צו אים, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט אַ מאַן—אָן איר מעג ער זיך פאַראומריינִיקן. [4] דער האַר צווישן זיין פאָלק טאָר זיך ניט פאַראומריינִיקן זיך צו פאַרשוועכן. [5] זיי זאָלן ניט מאַכן אַ פּליך אויף זייער קאָפּ, און די ברעגן פון זייער באָרד זאָלן זיי ניט אָפּגאָלן, און אויף זייער לייב זאָלן זיי ניט אַיינשניידן אַן אַיינשניידונג. [6] הייליק זאָלן זיי זיין צו זייער גאָט, און זיי זאָלן ניט פאַרשוועכן דעם נאָמען פון זייער גאָט, וואָרום די פייעראָפּפער פון יהוה, די שפּייז פון זייער גאָט, זיינען זיי מקריב, דרום מוזן זיי זיין הייליק.

ז אִשָּׁה זֹנָה וַחֲלָלָה לֹא יִקָּחוּ וְאִשָּׁה גְּרוּשָׁה מֵאִישָׁהּ לֹא
ח יִקָּחוּ כִּי־קָדֹשׁ הוּא לֵאלֹהָיו׃ וְקִדַּשְׁתּוֹ כִּי־אֶת־לֶחֶם אֱלֹהֶיךָ
הוּא מַקְרִיב קָדֹשׁ יִהְיֶה־לָּךְ כִּי קָדוֹשׁ אֲנִי יְהוָה מְקַדִּשְׁכֶם׃
ט וּבַת אִישׁ כֹּהֵן כִּי תֵחֵל לִזְנוֹת אֶת־אָבִיהָ הִיא מְחַלֶּלֶת
י בָּאֵשׁ תִּשָּׂרֵף׃ ס וְהַכֹּהֵן הַגָּדוֹל מֵאֶחָיו אֲשֶׁר־יוּצַק
עַל־רֹאשׁוֹ ׀ שֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה וּמִלֵּא אֶת־יָדוֹ לִלְבֹּשׁ אֶת־
יא הַבְּגָדִים אֶת־רֹאשׁוֹ לֹא יִפְרָע וּבְגָדָיו לֹא יִפְרֹם׃ וְעַל
יב כָּל־נַפְשֹׁת מֵת לֹא יָבֹא לְאָבִיו וּלְאִמּוֹ לֹא יִטַּמָּא׃ וּמִן־
הַמִּקְדָּשׁ לֹא יֵצֵא וְלֹא יְחַלֵּל אֵת מִקְדַּשׁ אֱלֹהָיו כִּי נֵזֶר
יג שֶׁמֶן מִשְׁחַת אֱלֹהָיו עָלָיו אֲנִי יְהוָה׃ וְהוּא אִשָּׁה בִבְתוּלֶיהָ
יד יִקָּח׃ אַלְמָנָה וּגְרוּשָׁה וַחֲלָלָה זֹנָה אֶת־אֵלֶּה לֹא יִקָּח
טו כִּי אִם־בְּתוּלָה מֵעַמָּיו יִקַּח אִשָּׁה׃ וְלֹא־יְחַלֵּל זַרְעוֹ בְּעַמָּיו
שני כִּי אֲנִי יְהוָה מְקַדְּשׁוֹ׃ ס וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
יז לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר אִישׁ מִזַּרְעֲךָ לְדֹרֹתָם אֲשֶׁר
יח יִהְיֶה בוֹ מוּם לֹא יִקְרַב לְהַקְרִיב לֶחֶם אֱלֹהָיו׃ כִּי כָל־
אִישׁ אֲשֶׁר־בּוֹ מוּם לֹא יִקְרָב אִישׁ עִוֵּר אוֹ פִסֵּחַ אוֹ חָרֻם
יט אוֹ שָׂרוּעַ׃ אוֹ אִישׁ אֲשֶׁר־יִהְיֶה בוֹ שֶׁבֶר רָגֶל אוֹ שֶׁבֶר
כ יָד׃ אוֹ־גִבֵּן אוֹ־דַק אוֹ תְּבַלֻּל בְּעֵינוֹ אוֹ גָרָב אוֹ יַלֶּפֶת
כא אוֹ מְרוֹחַ אָשֶׁךְ׃ כָּל־אִישׁ אֲשֶׁר־בּוֹ מוּם מִזֶּרַע אַהֲרֹן
הַכֹּהֵן לֹא יִגַּשׁ לְהַקְרִיב אֶת־אִשֵּׁי יְהוָה מוּם בּוֹ אֵת לֶחֶם
כב אֱלֹהָיו לֹא יִגַּשׁ לְהַקְרִיב׃ לֶחֶם אֱלֹהָיו מִקָּדְשֵׁי הַקֳּדָשִׁים
כג וּמִן־הַקֳּדָשִׁים יֹאכֵל׃ אַךְ אֶל־הַפָּרֹכֶת לֹא יָבֹא וְאֶל־
הַמִּזְבֵּחַ לֹא יִגַּשׁ כִּי־מוּם בּוֹ וְלֹא יְחַלֵּל אֶת־מִקְדָּשַׁי כִּי
כד אֲנִי יְהוָה מְקַדְּשָׁם׃ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־בָּנָיו
וְאֶל־כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ פ

## כב

א
ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־בָּנָיו

כא, ז׳ קמץ בזק י׳ קמץ בזק

7 אַ ווײַב אַ זונה אָדער אַ פֿאַרשװעכטע זאָלן זײ ניט נעמען, און אַ ווײַב געגטע פֿון איר מאַן זאָלן זײ ניט נעמען; וואָרום ער איז הײליק צו זײַן גאָט. 8 און זאָלסט אים האַלטן הײליק, וואָרום די שפּײַז פֿון דײַן גאָט איז ער מקריב; הײליק זאָל ער דיר זײַן, וואָרום הײליק בין איך יהוה, וואָס הײליק אײַך.

9 און די טאָכטער פֿון אַ מאַן אַ כּהן, אַז זי וועט זיך פֿאַרשװעכן מזנה צו זײַן, פֿאַרשװעכט זי איר פֿאָטער; אין פֿײַער זאָל זי פֿאַרברענט װערן.

10 און דער כּהן וואָס איז דער גרעסטער פֿון זײַנע ברידער, וואָס אויף זײַן קאָפּ איז אַרויפֿגעגאָסן געוואָרן דאָס אײל פֿון זאַלבונג, און מע האָט דערפֿילט זײַן האַנט אָנצוטאָן די קלײדער, זאָל ניט לאָזן פֿאַרוואַקסן זײַן קאָפּ, און ניט אײַנרײַסן זײַנע קלײדער; 11 און צו קײן לײב פֿון אַ מת זאָל ער ניט צוגײן; אַפֿילו אָן זײַן פֿאָטער און אָן זײַן מוטער זאָל ער זיך ניט פֿאַראומרײניקן. 12 און פֿון הײליקטום זאָל ער ניט אַרויסגײן, און ניט פֿאַרשװעכן דאָס הײליקטום פֿון זײַן גאָט, וואָרום די קרוין פֿון דעם אײל פֿון גאָטס זאַלבונג איז אויף אים: איך בין יהוה. 13 און אַ ווײַב אין איר יונגפֿרױשאַפֿט זאָל ער נעמען. 14 אַן אַלמנה, אָדער אַ גרושה, אָדער אַ פֿאַרשװעכטע, אַ זונה, די דאָזיקע זאָל ער ניט נעמען; נאָר בלויז אַ יונגפֿרוי פֿון זײַן פֿאָלק זאָל ער נעמען פֿאַר אַ ווײַב. 15 און ער זאָל ניט פֿאַרשװעכן זײַן זאָמען צווישן זײַן פֿאָלק, וואָרום איך יהוה הײליק אים.

16 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 17 רעד צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן:

איטלעכער פֿון דײַן זאָמען אויף זײערע דור־דורות, וואָס אין אים וועט זײַן אַ מום, זאָל ניט גענענען מקריב צו זײַן די שפּײַז פֿון זײַן גאָט. 18 וואָרום איטלעכער מאַן וואָס אין אים איז דאָ אַ מום, טאָר ניט גענענען: אַ מאַן אַ בלינדער, אָדער אַ הינקעדיקער, אָדער מיט אַן אײַנגעפֿאַלענער נאָז, אָדער מיט אײן גליד צו לאַנג, 19 אָדער אַ מאַן וואָס בײַ אים וועט זײַן צעבראָכן אַ פֿוס, אָדער צעבראָכן אַ האַנט, 20 אָדער אַ הויקער, אָדער אַ קאַרליק, אָדער מיט אַ בעלם אויף זײַן אויג, אָדער מיט טרוקענע קרעץ, אָדער פֿײַכטע קרעץ, אָדער אַ געבריכטער. 21 איטלעכער מאַן פֿון דעם זאָמען פֿון אַהרן דעם כּהן, וואָס אין אים איז דאָ אַ מום, זאָל ניט גענענען מקריב צו זײַן די פֿײַעראָפּפֿער פֿון גאָט; אַ מום איז דאָ אין אים, טאָר ער ניט גענענען מקריב צו זײַן די שפּײַז פֿון זײַן גאָט. 22 די שפּײַז פֿון זײַן גאָט, פֿון די הײליקסטן הײליקן אַזוי ווי פֿון הײליקן, מעג ער עסן. 23 אָבער צום פּרוכת טאָר ער ניט קומען, און צום מזבח טאָר ער ניט גענענען, ווײַל אַ מום איז דאָ אין אים; און ער זאָל ניט פֿאַרשװעכן מײַנע הײליקײטן, וואָרום איך יהוה הײליק זײ.

24 און משה האָט דאָס גערעדט צו אַהרנען, און צו זײַנע זין, און צו אַלע קינדער פֿון ישׂראל.

**כב** 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 רעד צו אַהרנען און צו זײַנע זין, אַז זײ זאָלן

וְיִנָּזְרוּ מִקָּדְשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל וְלֹא יְחַלְּלוּ אֶת־שֵׁם קָדְשִׁי
אֲשֶׁר הֵם מַקְדִּשִׁים לִי אֲנִי יְהוָה׃ אֱמֹר אֲלֵהֶם לְדֹרֹתֵיכֶם ג
כָּל־אִישׁ ׀ אֲשֶׁר־יִקְרַב מִכָּל־זַרְעֲכֶם אֶל־הַקֳּדָשִׁים אֲשֶׁר
יַקְדִּישׁוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לַיהוָה וְטֻמְאָתוֹ עָלָיו וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ
הַהִוא מִלְּפָנַי אֲנִי יְהוָה׃ אִישׁ אִישׁ מִזֶּרַע אַהֲרֹן וְהוּא ד
צָרוּעַ אוֹ זָב בַּקֳּדָשִׁים לֹא יֹאכַל עַד אֲשֶׁר יִטְהָר וְהַנֹּגֵעַ
בְּכָל־טְמֵא־נֶפֶשׁ אוֹ אִישׁ אֲשֶׁר־תֵּצֵא מִמֶּנּוּ שִׁכְבַת־זָרַע׃
אוֹ־אִישׁ אֲשֶׁר יִגַּע בְּכָל־שֶׁרֶץ אֲשֶׁר יִטְמָא־לוֹ אוֹ בְאָדָם ה
אֲשֶׁר יִטְמָא־לוֹ לְכֹל טֻמְאָתוֹ׃ נֶפֶשׁ אֲשֶׁר תִּגַּע־בּוֹ וְטָמְאָה ו
עַד־הָעָרֶב וְלֹא יֹאכַל מִן־הַקֳּדָשִׁים כִּי אִם־רָחַץ בְּשָׂרוֹ
בַּמָּיִם׃ וּבָא הַשֶּׁמֶשׁ וְטָהֵר וְאַחַר יֹאכַל מִן־הַקֳּדָשִׁים ז
כִּי לַחְמוֹ הוּא׃ נְבֵלָה וּטְרֵפָה לֹא יֹאכַל לְטָמְאָה־בָהּ ח
אֲנִי יְהוָה׃ וְשָׁמְרוּ אֶת־מִשְׁמַרְתִּי וְלֹא־יִשְׂאוּ עָלָיו חֵטְא ט
וּמֵתוּ בוֹ כִּי יְחַלְּלֻהוּ אֲנִי יְהוָה מְקַדְּשָׁם׃ וְכָל־זָר לֹא־ י
יֹאכַל קֹדֶשׁ תּוֹשַׁב כֹּהֵן וְשָׂכִיר לֹא־יֹאכַל קֹדֶשׁ׃ וְכֹהֵן יא
כִּי־יִקְנֶה נֶפֶשׁ קִנְיַן כַּסְפּוֹ הוּא יֹאכַל בּוֹ וִילִיד בֵּיתוֹ הֵם
יֹאכְלוּ בְלַחְמוֹ׃ וּבַת־כֹּהֵן כִּי תִהְיֶה לְאִישׁ זָר הִוא בִּתְרוּמַת יב
הַקֳּדָשִׁים לֹא תֹאכֵל׃ וּבַת־כֹּהֵן כִּי תִהְיֶה אַלְמָנָה וּגְרוּשָׁה יג
וְזֶרַע אֵין לָהּ וְשָׁבָה אֶל־בֵּית אָבִיהָ כִּנְעוּרֶיהָ מִלֶּחֶם
אָבִיהָ תֹּאכֵל וְכָל־זָר לֹא־יֹאכַל בּוֹ׃ וְאִישׁ כִּי־יֹאכַל קֹדֶשׁ יד
בִּשְׁגָגָה וְיָסַף חֲמִשִׁיתוֹ עָלָיו וְנָתַן לַכֹּהֵן אֶת־הַקֹּדֶשׁ׃ וְלֹא טו
יְחַלְּלוּ אֶת־קָדְשֵׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵת אֲשֶׁר־יָרִימוּ לַיהוָה׃
וְהִשִּׂיאוּ אוֹתָם עֲוֺן אַשְׁמָה בְּאָכְלָם אֶת־קָדְשֵׁיהֶם כִּי אֲנִי טז
יְהוָה מְקַדְּשָׁם׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־בָּנָיו של׳ יח
וְאֶל כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אִישׁ אִישׁ מִבֵּית
יִשְׂרָאֵל וּמִן־הַגֵּר בְּיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יַקְרִיב קָרְבָּנוֹ לְכָל־

יג׳ מלרע

זיך האַלטן אָפּגעשיידט פון די הייליקע זאַכן פון די קינדער פון ישראל, וואָס זיי הייליקן צו מיר, און זיי זאָלן ניט פאַרשוועכן מיין הייליקן נאָמען: איך בין יהוה. [3] זאָג צו זיי:

איטלעכער מאַן פון אַל אייער זאָמען אויף אייערע דור־דורות וואָס וועט גענענען צו די הייליקע זאַכן, וואָס די קינדער פון ישראל וועלן הייליקן צו גאָט, מיט זיין אומריינקייט אויף אים, יענע זעל זאָל פאַרשניטן ווערן פון פאַר מיר: איך בין יהוה. [4] יעטוועדער מאַן פון דעם זאָמען פון אַהרן וואָס איז אַ מצורע אָדער אַ פלוסיקער, טאָר פון די הייליקע זאַכן ניט עסן, ביז ער וועט ריין ווערן. און דער וואָס רירט זיך אָן אָן עמיצן וואָס איז אומריין פון אַ טויטן; אָדער אַ מאַן וואָס פון אים וועט אַרויסגיין אַ פלוס פון זאָמען; [5] אָדער אַ מאַן וואָס וועט זיך אָנרירן אָן וואָסער עס איז שרץ וואָס מע ווערט פון אים אומריין, אָדער אָן אַ מענטשן וואָס מע ווערט פון אים אומריין, וואָס נאָר זיין אומריינקייט איז — [6] דער מענטש וואָס וועט זיך אָנרירן אָן זיי, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט, און ער זאָל ניט עסן פון די הייליקע זאַכן, סיידן ער האָט געבאָדן זיין לייב אין וואַסער. [7] און אַז די זון וועט אונטערגיין, זאָל ער זיין ריין, און דערנאָך מעג ער עסן פון די הייליקע זאַכן, וואָרום דאָס איז זיין ברויט. [8] געפאַלנס און פאַרצוקטס זאָל ער ניט עסן, צו ווערן אומריין דערמיט: איך בין יהוה. [9] און זיי זאָלן היטן מיין היטונג, כדי זיי זאָלן ניט טראָגן וועגן דעם אַ זינד און שטאַרבן דורך דעם, אַז זיי וועלן עס פאַרשוועכן: איך יהוה הייליק זיי. [10] און קיין פרעמדער טאָר ניט עסן הייליקס; אַ וווינער ביי אַ כהן, אָדער אַ געדונגענער, טאָר ניט עסן הייליקס. [11] און אַז אַ כהן וועט קויפן עמיצן אין אַיינקויף פאַר זיין געלט, מעג ער עסן דערפון; און די וואָס זיינען געבאָרן אין זיין הויז, זיי מעגן עסן פון זיין ברויט. [12] און די טאָכטער פון אַ כהן אַז זי וועט נעמען אַ מאַן אַ פרעמדן, טאָר זי פון דער הייליקער אָפּשיידונג ניט עסן. [13] אָבער די טאָכטער פון אַ כהן, אַז זי וועט ווערן אַן אַלמנה, אָדער אַ גרושה, און קיין קינדער האָט זי ניט, און זי וועט זיך אומקערן צו איר פאָטערס הויז אַזוי ווי אין איר יוגנט, מעג זי עסן פון איר פאָטערס ברויט; אָבער קיין פרעמדער טאָר דערפון ניט עסן. [14] און אַז עמיצער וועט עסן הייליקס דורך אַ פאַרזע, זאָל ער צולייגן דערצו אַ פינפטל דערפון, און אָפּצאָלן דאָס הייליקע צום כהן. [15] און זיי זאָלן ניט פאַרשוועכן די הייליקע זאַכן פון די קינדער פון ישראל, וואָס זיי שיידן אָפּ צו גאָט, [16] און זיי מאַכן טראָגן אַ זינד פון פאַרשולדיקונג, אַז זיי וועלן עסן זייערע הייליקע זאַכן; וואָרום איך יהוה הייליק זיי.

[17] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [18] רעד צו אַהרנען און צו זיינע זין, און צו אַלע קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

אַז עמיצער אַ מאַן פון דעם הויז פון ישראל, אָדער פון דעם פרעמדן אין ישראל, וועט ברענגען זיין קרבן, פון אַלע

זייערע נדרים, אָדער פון אַלע זייערע פרייוויליקע גאָבן, וואָס זיי וועלן ברענגען צו גאָט פאַר אַ בראַנדאָפּפער, 19 כּדי איר זאָלט באַוויליקט ווערן, מוז עס זיין אַ זָכר אָן אַ פעלער, פון רינדער, פון שעפּסן, אָדער פון ציגן. 20 קיינס וואָס אין אים איז דאָ אַ מום זאָלט איר ניט ברענגען, וואָרום עס וועט אַייך ניט זיין צו באַוויליקונג. 21 און אַז אַ מאַן וועט ברענגען אַ פרידאָפּפער צו גאָט, לויט אַ קלאָר אַרויסגערעדטן נדר, אָדער פאַר אַ פרייוויליקער גאָב, פון רינדער, אָדער פון שאָף, מוז עס זיין ניט געפעלערט, כּדי באַוויליקט צו ווערן; קיין מום זאָל אין אים ניט זיין. 22 אַ בלינדס, אָדער אַ געשעדיקטס, אָדער אַ פאַרקריפּלטס, אָדער מיט אַ גוז, אָדער מיט טרוקענע קרעץ, אָדער פייכטע קרעץ–דידאָזיקע זאָלט איר ניט ברענגען צו גאָט, און ניט מאַכן פון זיי אַ פייער־אָפּפער אויפן מזבח צו גאָט. 23 און אַן אָקס אָדער אַ לאַם מיט איין גליד צו לאַנג אָדער צו קורץ, דאָס מעגסטו מאַכן אַ פרייוויליקע גאָב, אָבער פאַר אַ נדר וועט עס ניט באַוויליקט ווערן. 24 און אַזאַ וואָס זיינע געשלעכטגלידער זיינען צעדריקט, אָדער צעהאַקט, אָדער אָנגעריסן, אָדער אויסגעשניטן, זאָלט איר ניט ברענגען צו גאָט; און איר זאָלט אין אַייער לאַנד ניט מאַכן אַזוי־וואָס. 25 אַפילו פון דער האַנט פון אַ פרעמדן זאָלט איר ניט ברענגען די שפּייז פון אַייער גאָט פון אַלע דידאָזיקע, וואָרום זייער פאַרדאַרבונג איז אין זיי, אַ מום איז אין זיי; זיי וועלן ניט באַוויליקט ווערן פון אַייך.

26 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:

27 אַ רינד, אָדער אַ שעפּס, אָדער אַ ציג, אַז עס וועט געבאָרן ווערן, זאָל עס זיבן טעג זיין אונטער זיין מוטער, און פון אַכטן טאָג אָן און ווייטער וועט עס באַוויליקט ווערן פאַר אַ קרבן, אַ פייעראָפּפער צו גאָט. 28 און אַ רינד צי אַ שאָף, זאָלט איר עס ניט שעכטן אין איין טאָג מיט זיין קינד. 29 און אַז איר וועט שלאַכטן אַ דאַנקאָפּפער צו גאָט, זאָלט איר עס שלאַכטן אַז איר זאָלט באַוויליקט ווערן. 30 אין דעם אייגענעם טאָג זאָל עס געגעסן ווערן; איר זאָלט ניט איבערלאָזן דערפון ביז אין דער פרי: איך בין יהוה. 31 און איר זאָלט היטן מיינע געבאָט און זיי טאָן: איך בין יהוה. 32 און איר זאָלט ניט פאַרשוועכן מיין הייליקן נאָמען, כּדי איך זאָל זיין געהייליקט צווישן די קינדער פון ישראל: איך בין יהוה וואָס הייליקט אַייך; 33 דער וואָס האָט אַייך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַים, אַייך צו זיין צום גאָט: איך בין יהוה.

נִדְרֵיהֶם וּלְכָל־נִדְבוֹתָם אֲשֶׁר־יַקְרִיבוּ לַיהוָה לְעֹלָה׃
יט כ לִרְצֹנְכֶם תָּמִים זָכָר בַּבָּקָר בַּכְּשָׂבִים וּבָעִזִּים׃ כֹּל אֲשֶׁר־
כא בּוֹ מוּם לֹא תַקְרִיבוּ כִּי־לֹא לְרָצוֹן יִהְיֶה לָכֶם׃ וְאִישׁ כִּי־
יַקְרִיב זֶבַח־שְׁלָמִים לַיהוָה לְפַלֵּא־נֶדֶר אוֹ לִנְדָבָה בַּבָּקָר
כב אוֹ בַצֹּאן תָּמִים יִהְיֶה לְרָצוֹן כָּל־מוּם לֹא יִהְיֶה־בּוֹ׃ עַוֶּרֶת
אוֹ שָׁבוּר אוֹ־חָרוּץ אוֹ־יַבֶּלֶת אוֹ גָרָב אוֹ יַלֶּפֶת לֹא־
תַקְרִיבוּ אֵלֶּה לַיהוָה וְאִשֶּׁה לֹא־תִתְּנוּ מֵהֶם עַל־הַמִּזְבֵּחַ
כג לַיהוָה׃ וְשׁוֹר וָשֶׂה שָׂרוּעַ וְקָלוּט נְדָבָה תַּעֲשֶׂה אֹתוֹ וּלְנֵדֶר
כד לֹא יֵרָצֶה׃ וּמָעוּךְ וְכָתוּת וְנָתוּק וְכָרוּת לֹא תַקְרִיבוּ לַיהוָה
כה וּבְאַרְצְכֶם לֹא תַעֲשׂוּ׃ וּמִיַּד בֶּן־נֵכָר לֹא תַקְרִיבוּ אֶת־לֶחֶם
אֱלֹהֵיכֶם מִכָּל־אֵלֶּה כִּי מָשְׁחָתָם בָּהֶם מוּם בָּם לֹא יֵרָצוּ
כו כז לָכֶם׃ ס וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ שׁוֹר אוֹ־כֶשֶׂב
אוֹ־עֵז כִּי יִוָּלֵד וְהָיָה שִׁבְעַת יָמִים תַּחַת אִמּוֹ וּמִיּוֹם
כח הַשְּׁמִינִי וָהָלְאָה יֵרָצֶה לְקָרְבַּן אִשֶּׁה לַיהוָה׃ וְשׁוֹר אוֹ־
כט שֶׂה אֹתוֹ וְאֶת־בְּנוֹ לֹא תִשְׁחֲטוּ בְּיוֹם אֶחָד׃ וְכִי־תִזְבְּחוּ
ל זֶבַח־תּוֹדָה לַיהוָה לִרְצֹנְכֶם תִּזְבָּחוּ׃ בַּיּוֹם הַהוּא יֵאָכֵל
לא לֹא־תוֹתִירוּ מִמֶּנּוּ עַד־בֹּקֶר אֲנִי יְהוָה׃ וּשְׁמַרְתֶּם מִצְוֹתַי
לב וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם אֲנִי יְהוָה׃ וְלֹא תְחַלְּלוּ אֶת־שֵׁם קָדְשִׁי
וְנִקְדַּשְׁתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲנִי יְהוָה מְקַדִּשְׁכֶם׃
לג הַמּוֹצִיא אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹהִים
אֲנִי יְהוָה׃ פ

## כג

רב' ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם מוֹעֲדֵי יְהוָה אֲשֶׁר־תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי
ג קֹדֶשׁ אֵלֶּה הֵם מוֹעֲדָי׃ שֵׁשֶׁת יָמִים תֵּעָשֶׂה מְלָאכָה וּבַיּוֹם
הַשְּׁבִיעִי שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן מִקְרָא־קֹדֶשׁ כָּל־מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ
שַׁבָּת הִוא לַיהוָה בְּכֹל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם׃ פ
ד אֵלֶּה מוֹעֲדֵי יְהוָה מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ אֲשֶׁר־תִּקְרְאוּ אֹתָם

**כג** 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 רעד צו די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: די יָום־טובים פון גאָט וואָס איר זאָלט זיי אויסרופן פאַר הייליקע צונויפרופונגען–דאָס זיינען מיינע יָום־טובים: 3 זעקס טעג זאָל געטאָן ווערן אַרבעט, אָבער אויפן זיבעטן טאָג איז אַ שבת פון רואונג, אַ הייליקע צונויפרופונג; קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן; דאָס איז שבת צו גאָט אין אַלע אַייערע וווינערטער.

4 דאָס זיינען די יָום־טובים פון גאָט, די הייליקע צונויפרופונגען, וואָס איר זאָלט זיי אויסרופן אין

ה בְּמוֹעֲדָם׃ בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר לַחֹדֶשׁ בֵּין
ו הָעַרְבָּיִם פֶּסַח לַיהוָה׃ וּבַחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הַזֶּה
ז חַג הַמַּצּוֹת לַיהוָה שִׁבְעַת יָמִים מַצּוֹת תֹּאכֵלוּ׃ בַּיּוֹם
הָרִאשׁוֹן מִקְרָא־קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא
ח תַעֲשׂוּ׃ וְהִקְרַבְתֶּם אִשֶּׁה לַיהוָה שִׁבְעַת יָמִים בַּיּוֹם
הַשְּׁבִיעִי מִקְרָא־קֹדֶשׁ כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ׃ פ
ט וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
י וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כִּי־תָבֹאוּ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לָכֶם
וּקְצַרְתֶּם אֶת־קְצִירָהּ וַהֲבֵאתֶם אֶת־עֹמֶר רֵאשִׁית קְצִירְכֶם
יא אֶל־הַכֹּהֵן׃ וְהֵנִיף אֶת־הָעֹמֶר לִפְנֵי יְהוָה לִרְצֹנְכֶם
יב מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת יְנִיפֶנּוּ הַכֹּהֵן׃ וַעֲשִׂיתֶם בְּיוֹם הֲנִיפְכֶם
יג אֶת־הָעֹמֶר כֶּבֶשׂ תָּמִים בֶּן־שְׁנָתוֹ לְעֹלָה לַיהוָה׃ וּמִנְחָתוֹ
שְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן אִשֶּׁה לַיהוָה רֵיחַ
יד נִיחֹחַ וְנִסְכֹּה יַיִן רְבִיעִת הַהִין׃ וְלֶחֶם וְקָלִי וְכַרְמֶל לֹא
תֹאכְלוּ עַד־עֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה עַד הֲבִיאֲכֶם אֶת־קָרְבַּן
אֱלֹהֵיכֶם חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתֵיכֶם בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם׃ ס
טו וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת־עֹמֶר
טז הַתְּנוּפָה שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה׃ עַד מִמָּחֳרַת
הַשַּׁבָּת הַשְּׁבִיעִת תִּסְפְּרוּ חֲמִשִּׁים יוֹם וְהִקְרַבְתֶּם מִנְחָה
יז חֲדָשָׁה לַיהוָה׃ מִמּוֹשְׁבֹתֵיכֶם תָּבִיאוּ ׀ לֶחֶם תְּנוּפָה
שְׁתַּיִם שְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים סֹלֶת תִּהְיֶינָה חָמֵץ תֵּאָפֶינָה בִּכּוּרִים
יח לַיהוָה׃ וְהִקְרַבְתֶּם עַל־הַלֶּחֶם שִׁבְעַת כְּבָשִׂים תְּמִימִם
בְּנֵי שָׁנָה וּפַר בֶּן־בָּקָר אֶחָד וְאֵילִם שְׁנָיִם יִהְיוּ עֹלָה
לַיהוָה וּמִנְחָתָם וְנִסְכֵּיהֶם אִשֵּׁה רֵיחַ־נִיחֹחַ לַיהוָה׃
יט וַעֲשִׂיתֶם שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת וּשְׁנֵי כְבָשִׂים בְּנֵי
כ שָׁנָה לְזֶבַח שְׁלָמִים׃ וְהֵנִיף הַכֹּהֵן ׀ אֹתָם עַל לֶחֶם
הַבִּכֻּרִים תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה עַל־שְׁנֵי כְּבָשִׂים קֹדֶשׁ יִהְיוּ

יג׳ ונסכו ק׳ יז׳ אי דנושה

זייער געשטעלטער צייט. [5] אין ערשטן חודש, אין פערצנטן טאָג פון חודש, אַקעגן אָוונט, איז דער קָרבּן פֶּסח צו גאָט. [6] און אויפן פופצנטן טאָג פון דעמדאָזיקן חודש, איז דער יָום־טוב פון מצות צו גאָט; זיבן טעג זאָלט איר עסן מצות. [7] אין ערשטן טאָג זאָל אַ הייליקע צונויפרופונג זיין ביי אַייך; קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן. [8] און איר זאָלט ברענגען אַ פייעראָפּפער צו גאָט זיבן טעג; אויפן זיבעטן טאָג איז אַ הייליקע צונויפרופונג; קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן.

[9] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [10] רעד צו די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד וואָס איך גיב אַייך, און איר וועט שניידן איר שניט, זאָלט איר ברענגען אַ גאַרב פון אַייער ערשטן שניט צום כֹּהן. [11] און ער זאָל אויפהייבן די גאַרב פאַר גאָט, כדי איר זאָלט באַוויליקט ווערן; אויף מאָרגן נאָך דעם רוטאָג[א] זאָל זי דער כֹּהן אויפהייבן. [12] און איר זאָלט מאַכן, אין דעם טאָג וואָס איר הייבט אויף די גאַרב, אַ שעפּס אָן אַ פעלער, אַ יאָריקן, פאַר אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט; [13] און אַ שפּייזאָפּפער דערצו, צוויי צענטל זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, אַ פייעראָפּפער צו גאָט פאַר אַ געשמאַקן ריח; און אַ גיסאָפּפער דערצו, וויין אַ פערטל הין. [14] און ברויט, און געברענטע קערנער, און פרישע זאַנגען, זאָלט איר ניט עסן ביז דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג, ביז איר ברענגט דעם קרבּן פון אַייער גאָט; אַן אייביק געזעץ אויף אַייערע דור־דורות אין אַלע אַייערע וווינערטער.

[15] און איר זאָלט אַייך ציילן פון אויף מאָרגן נאָך דעם רוטאָג[א], פון דעם טאָג וואָס איר ברענגט די גאַרב פון אויפהייבונג; זיבן גאַנצע וואָכן זאָלן עס זיין; [16] ביז אויף מאָרגן נאָך דער זיבעטער וואָך זאָלט איר אָפּציילן פופציק טעג, און ברענגען אַ שפּייזאָפּפער פון דער נייער תבואה צו גאָט. [17] איר זאָלט ברענגען פון אַייערע וווינערטער צוויי ברויטן פאַר אַן אויפהייבונג; פון צוויי צענטל זעמלמעל זאָלן זיי זיין, געזייערט זאָלן זיי געבאַקט ווערן, אַן ערשטגאָב צו גאָט. [18] און איר זאָלט ברענגען מיטן ברויט זיבן שעפּסן יאָריקע אָן אַ פעלער, און איין יונגן אָקס, און צוויי ווידערס; זיי זאָלן זיין אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט, מיט זייערע שפּייזאָפּפער און זייערע גיסאָפּפער—אַ פייעראָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט. [19] און איר זאָלט מאַכן איין ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפער, און צוויי שעפּסן יאָריקע פאַר אַ פרידאָפּפער. [20] און דער כֹּהן זאָל זיי אויפהייבן מיט דעם ברויט פון דעם ערשטצייטיקן, אַן אויפהייבונג פאַר גאָט, מיט די צוויי שעפּסן; הייליק זאָלן זיי זיין

[א] אין טעקסט: הַשַּׁבָּת. לויט דעם טראַדיציאָנעלן אויסטייטש מיינט דאָס דעם ערשטן טאָג פסח.

צו גאָט, פֿאַרן כּהן. [21] און איר זאָלט מאַכן אַן אויס־רופֿונג אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג; אַ הייליקע צונויפֿרופֿונג זאָל זײַן בײַ אײַך; קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן. אַן אײביק געזעץ אין אַלע אײַערע וווינערטער אויף אײַערע דור־דורות.

[22] און אַז איר שנײַדט דעם שניט פֿון אײַער לאַנד, זאָלסטו ניט דערענדיקן דעם עק פֿון דײַן פֿעלד בײַ דײַן שנײַדן, און דעם נאָכקלײַב פֿון דײַן שניט זאָלסטו ניט נאָכקלײַבן; פֿאַרן אָרימאַן און פֿאַרן פֿרעמדן זאָלסטו זײ איבערלאָזן: איך בין יהוה אײַער גאָט.

[23] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [24] רעד צו די קינדער פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן:

אין זיבעטן חודש, אין ערשטן טאָג פֿון חודש, זאָל זײַן בײַ אײַך אַ רואונג, אַ דערמאָנונג דורך שאַלונג, אַ הייליקע צונויפֿרופֿונג. [25] קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן, און איר זאָלט ברענגען אַ פֿײַעראָפּפֿער צו גאָט.

[26] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן:

[27] אָבער אין צענטן טאָג פֿון דעמדאָזיקן זיבעטן חודש איז דער טאָג פֿון פֿאַרגעבונג; אַ הייליקע צונויפֿרופֿונג זאָל זײַן בײַ אײַך, און איר זאָלט פּײַניקן אײַער זעל, און ברענגען אַ פֿײַעראָפּפֿער צו גאָט. [28] און קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג, ווײַל אַ טאָג פֿון פֿאַרגעבונג איז דאָס, מכפּר צו זײַן אויף אײַך פֿאַר יהוה אײַער גאָט. [29] וואָרום יעטוועדער זעל וואָס וועט זיך ניט פּײַניקן אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג, זאָל פֿאַרשניטן ווערן פֿון איר פֿאָלק. [30] און יעטוועדער מענטש וואָס וועט טאָן עפּעס אַן אַרבעט אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג, יענע זעל וועל איך אונטערברענגען פֿון צווישן איר פֿאָלק. [31] קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן; אַן אײביק געזעץ אויף אײַערע דור־דורות אין אַלע אײַערע וווינערטער. [32] אַ שבת פֿון רואונג איז עס פֿאַר אײַך; און איר זאָלט פּײַניקן אײַער זעל; אין נײַנטן טאָג פֿון חודש אין אָוונט, פֿון אָוונט ביז אָוונט, זאָלט איר האַלטן אײַער שבת.

[33] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [34] רעד צו די קינדער פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן:

אין פֿופֿצנטן טאָג פֿון דעמדאָזיקן זיבעטן חודש איז דער יום־טובֿ פֿון סוכּות זיבן טעג צו גאָט. [35] אין ערשטן טאָג איז אַ הייליקע צונויפֿרופֿונג; קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן. [36] זיבן טעג זאָלט איר ברענגען אַ פֿײַעראָפּפֿער צו גאָט; אויפֿן אַכטן טאָג זאָל אַ הייליקע צונויפֿרופֿונג זײַן בײַ אײַך, און איר זאָלט ברענגען אַ פֿײַעראָפּפֿער צו גאָט; אַ הייליקע אײַנזאַמלונג איז דאָס; קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן.

[37] דאָס זײַנען די יום־טובֿים פֿון גאָט, וואָס איר זאָלט זײ אויסרופֿן פֿאַר הייליקע צונויפֿרופֿונגען, צו ברענגען אַ פֿײַעראָפּפֿער צו גאָט, אַ בראַנדאָפּפֿער, און אַ שפּײַזאָפּפֿער, אַ שלאַכטאָפּפֿער, און גיסאָפּפֿער, וואָס פֿאַר איטלעכן

כא לַיהוָה לַכֹּהֵן׃ וּקְרָאתֶם בְּעֶצֶם ׀ הַיּוֹם הַזֶּה מִקְרָא־קֹדֶשׁ
יִהְיֶה לָכֶם כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ חֻקַּת עוֹלָם
כב בְּכָל־מוֹשְׁבֹתֵיכֶם לְדֹרֹתֵיכֶם׃ וּבְקֻצְרְכֶם אֶת־קְצִיר אַרְצְכֶם
לֹא־תְכַלֶּה פְּאַת שָׂדְךָ בְּקֻצְרֶךָ וְלֶקֶט קְצִירְךָ לֹא תְלַקֵּט
לֶעָנִי וְלַגֵּר תַּעֲזֹב אֹתָם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ פ
חמ׳ כד וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
לֵאמֹר בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם שַׁבָּתוֹן
כה זִכְרוֹן תְּרוּעָה מִקְרָא־קֹדֶשׁ׃ כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ
כו וְהִקְרַבְתֶּם אִשֶּׁה לַיהוָה׃ ס וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
כז לֵּאמֹר׃ אַךְ בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי הַזֶּה יוֹם הַכִּפֻּרִים
הוּא מִקְרָא־קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם וְעִנִּיתֶם אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם
כח וְהִקְרַבְתֶּם אִשֶּׁה לַיהוָה׃ וְכָל־מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ בְּעֶצֶם
הַיּוֹם הַזֶּה כִּי יוֹם כִּפֻּרִים הוּא לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לִפְנֵי יְהוָה
כט אֱלֹהֵיכֶם׃ כִּי כָל־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר לֹא־תְעֻנֶּה בְּעֶצֶם הַיּוֹם
ל הַזֶּה וְנִכְרְתָה מֵעַמֶּיהָ׃ וְכָל־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה כָּל־
מְלָאכָה בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה וְהַאֲבַדְתִּי אֶת־הַנֶּפֶשׁ הַהִוא
לא מִקֶּרֶב עַמָּהּ׃ כָּל־מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ חֻקַּת עוֹלָם
לב לְדֹרֹתֵיכֶם בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם׃ שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן הוּא לָכֶם
וְעִנִּיתֶם אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם בְּתִשְׁעָה לַחֹדֶשׁ בָּעֶרֶב מֵעֶרֶב עַד־
עֶרֶב תִּשְׁבְּתוּ שַׁבַּתְּכֶם׃ פ
ששי לד וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
לֵאמֹר בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי הַזֶּה חַג הַסֻּכּוֹת
לה שִׁבְעַת יָמִים לַיהוָה׃ בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן מִקְרָא־קֹדֶשׁ כָּל־
לו מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ׃ שִׁבְעַת יָמִים תַּקְרִיבוּ אִשֶּׁה
לַיהוָה בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי מִקְרָא־קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם וְהִקְרַבְתֶּם
אִשֶּׁה לַיהוָה עֲצֶרֶת הִוא כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ׃
לז אֵלֶּה מוֹעֲדֵי יְהוָה אֲשֶׁר־תִּקְרְאוּ אֹתָם מִקְרָאֵי קֹדֶשׁ לְהַקְרִיב
אִשֶּׁה לַיהוָה עֹלָה וּמִנְחָה זֶבַח וּנְסָכִים דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ׃

לח מִלְּבַד שַׁבְּתֹת יְהוָה וּמִלְּבַד מַתְּנוֹתֵיכֶם וּמִלְּבַד כָּל־נִדְרֵיכֶם
לט וּמִלְּבַד כָּל־נִדְבֹתֵיכֶם אֲשֶׁר תִּתְּנוּ לַיהוָה׃ אַךְ בַּחֲמִשָּׁה
עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאָסְפְּכֶם אֶת־תְּבוּאַת הָאָרֶץ
תָּחֹגּוּ אֶת־חַג־יְהוָה שִׁבְעַת יָמִים בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן שַׁבָּתוֹן
מ וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי שַׁבָּתוֹן׃ וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן
פְּרִי עֵץ הָדָר כַּפֹּת תְּמָרִים וַעֲנַף עֵץ־עָבֹת וְעַרְבֵי־נָחַל
מא וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים׃ וְחַגֹּתֶם אֹתוֹ
חַג לַיהוָה שִׁבְעַת יָמִים בַּשָּׁנָה חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתֵיכֶם
מב בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי תָּחֹגּוּ אֹתוֹ׃ בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים
מג כָּל־הָאֶזְרָח בְּיִשְׂרָאֵל יֵשְׁבוּ בַּסֻּכֹּת׃ לְמַעַן יֵדְעוּ דֹרֹתֵיכֶם
כִּי בַסֻּכּוֹת הוֹשַׁבְתִּי אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהוֹצִיאִי אוֹתָם
מד מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶת־
מֹעֲדֵי יְהוָה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ פ

## כד

שב׳ ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ צַו אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְיִקְחוּ
אֵלֶיךָ שֶׁמֶן זַיִת זָךְ כָּתִית לַמָּאוֹר לְהַעֲלֹת נֵר תָּמִיד׃
ג מִחוּץ לְפָרֹכֶת הָעֵדֻת בְּאֹהֶל מוֹעֵד יַעֲרֹךְ אֹתוֹ אַהֲרֹן
מֵעֶרֶב עַד־בֹּקֶר לִפְנֵי יְהוָה תָּמִיד חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתֵיכֶם׃
ד עַל הַמְּנֹרָה הַטְּהֹרָה יַעֲרֹךְ אֶת־הַנֵּרוֹת לִפְנֵי יְהוָה תָּמִיד׃ פ
ה וְלָקַחְתָּ סֹלֶת וְאָפִיתָ אֹתָהּ שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה חַלּוֹת שְׁנֵי
ו עֶשְׂרֹנִים יִהְיֶה הַחַלָּה הָאֶחָת׃ וְשַׂמְתָּ אוֹתָם שְׁתַּיִם
מַעֲרָכוֹת שֵׁשׁ הַמַּעֲרָכֶת עַל־הַשֻּׁלְחָן הַטָּהֹר לִפְנֵי יְהוָה׃
ז וְנָתַתָּ עַל־הַמַּעֲרֶכֶת לְבֹנָה זַכָּה וְהָיְתָה לַלֶּחֶם לְאַזְכָּרָה
ח אִשֶּׁה לַיהוָה׃ בְּיוֹם הַשַּׁבָּת בְּיוֹם הַשַּׁבָּת יַעַרְכֶנּוּ לִפְנֵי
ט יְהוָה תָּמִיד מֵאֵת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּרִית עוֹלָם׃ וְהָיְתָה לְאַהֲרֹן
וּלְבָנָיו וַאֲכָלֻהוּ בְּמָקוֹם קָדֹשׁ כִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הוּא לוֹ
י מֵאִשֵּׁי יְהוָה חָק־עוֹלָם׃ ס וַיֵּצֵא בֶּן־אִשָּׁה יִשְׂרְאֵלִית
וְהוּא בֶּן־אִישׁ מִצְרִי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּנָּצוּ בַּמַּחֲנֶה

טאָג, אין זיין טאָג. [38] אַחוץ די שבתים פון גאָט, און אַחוץ אייערע גאָבן, און אַחוץ אַלע אייערע נדרים, און אַחוץ אַלע אייערע פרייוויליקע קרבנות, וואָס איר וועט געבן צו גאָט.

[39] אָבער אין דעם פופצנטן טאָג פון זיבעטן חודש, ווען איר זאַמלט איין דעם אײַנטראָג פון לאַנד, זאָלט איר פייערן דעם פייערטאָג פון גאָט זיבן טעג; אין ערשטן טאָג זאָל זיין אַ רואונג, און אויפן אַכטן טאָג אַ רואונג. [40] און איר זאָלט אײַך נעמען אין ערשטן טאָג פרוכט פון אַ שיינעם בוים, טייטלבלעטער, און צווייגן פון אַ געדיכטן בוים, און ווערבעס פון טייך, און איר זאָלט זיך פרייען פאַר יהוה אייער גאָט זיבן טעג. [41] און איר זאָלט עס פייערן אַ פייערטאָג צו גאָט זיבן טעג אין יאָר; אַן אייביק געזעץ אויף אייערע דור־דורות; אין זיבעטן חודש זאָלט איר עס פייערן. [42] אין סוכות זאָלט איר זיצן זיבן טעג; אַלע אײַנגעבאָרענע אין ישראל זאָלן זיצן אין סוכות. [43] כּדי אייערע דור־דורות זאָלן וויסן, אַז אין ביידלעך האָב איך געמאַכט זיצן די קינדער פון ישראל, ווען איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם: איך בין יהוה אייער גאָט.

[44] און משה האָט אָנגעזאָגט די קינדער פון ישראל די יָום־טובים פון גאָט.

## כד

[1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] באַפעל די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן דיר ברענגען ריינע געשלאָגענע בוימל פאַר דער לייכטונג, אויף אָנצוצינדן אַ ליכט תמיד. [3] דרויסן פון דעם פָּרוכֶת פון געזעץ אין אוהל־מועד זאָל עס אַהרן צוריכטן אויף פון אָוונט ביז אין דער פרי פאַר גאָט תמיד; אַן אייביק געזעץ אויף אייערע דור־דורות. [4] אין דער ריינער מנורה זאָל ער צוריכטן די רערלעך פאַר גאָט תמיד.

[5] און זאָלסט נעמען זעמלמעל, און אויסבאַקן דערפון צוועלף חלות; פון צוויי צענטל זאָל זיין יעטוועדער חלה. [6] און זאָלסט זיי לייגן אין צוויי רייען, זעקס אין אַ ריי, אויפן ריינעם טיש פאַר גאָט. [7] און זאָלסט אַרויפטאָן אויף איטלעכער ריי לויטערן ווייַרויך, כּדי עס זאָל זיין צו דעם ברויט פאַר אַ דערמאָנונג[א], אַ פייעראָפּפער צו גאָט. [8] שבת אין שבת זאָל ער עס אויסלייגן פאַר גאָט תמיד; פון די קינדער פון ישראל אַן אייביקער בונד. [9] און עס זאָל געהערן צו אַהרנען און צו זיינע קינדער, און זיי זאָלן עס עסן אין אַ הייליקן אָרט, וואָרום אַ הייליקסטע הייליקייט איז דאָס, וואָס געהערט צו אים פון די פייעראָפּפער פון גאָט; אַן אייביק רעכט.

[10] און דער זון פון אַ פרוי פון ישראל, וואָס איז געווען דער זון פון אַ מאַן אַ מִצרי, איז אַרויסגעגאַנגען צווישן די

[א] זע ב, 2.

קינדער פון ישׂראל; און דער זון פון דער פרוי פון ישׂראל
און אַ מאַן פון ישׂראל האָבן זיך געקריגט אין לאַגער.
11 און דער זון פון דער פרוי פון ישׂראל האָט געלעסטערט
דעם נאָמען[א], און געשאָלטן, און מע האָט אים געבראַכט
צו משהן. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען
שלומית, די טאָכטער פון דִברין, פון שבט דָן. 12 און מע
האָט אים אַריינגעזעצט אין וואַך, ביז מע וועט זיי באַ־
שיידן לויט דעם מויל פון גאָט.

13 האָט גאָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 14 פיר
אַרויס דעם וואָס האָט געשאָלטן, אויסן לאַגער, און אַלע
וואָס האָבן געהערט זאָלן אָנלעגן זייערע הענט אויף
זיין קאָפּ, און די גאַנצע עדה זאָל אים פאַרשטיינען. 15 און
צו די קינדער פון ישׂראל זאָלסטו רעדן, אַזוי צו זאָגן:
יעטוועדער מאַן וואָס וועט שילטן זיין גאָט, זאָל טראָגן
זיין זינד. 16 און דער וואָס לעסטערט דעם נאָמען פון
יהוה, זאָל טייטן געטייט ווערן; פאַרשטיינען זאָל אים
פאַרשטיינען די גאַנצע עדה; ווי דער פרעמדער אַזוי
דער אַיינגעבאָרענער, אַז ער לעסטערט דעם נאָמען,
זאָל ער געטייט ווערן.

יא בֶּן הַיִּשְׂרְאֵלִית וְאִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי׃ וַיִּקֹּב בֶּן־הָאִשָּׁה
הַיִּשְׂרְאֵלִית אֶת־הַשֵּׁם וַיְקַלֵּל וַיָּבִיאוּ אֹתוֹ אֶל־מֹשֶׁה וְשֵׁם
יב אִמּוֹ שְׁלֹמִית בַּת־דִּבְרִי לְמַטֵּה־דָן׃ וַיַּנִּיחֻהוּ בַּמִּשְׁמָר
לִפְרֹשׁ לָהֶם עַל־פִּי יְהוָה׃ פ
יג יד וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ הוֹצֵא אֶת־הַמְקַלֵּל אֶל־
מִחוּץ לַמַּחֲנֶה וְסָמְכוּ כָל־הַשֹּׁמְעִים אֶת־יְדֵיהֶם עַל־רֹאשׁוֹ
טו וְרָגְמוּ אֹתוֹ כָּל־הָעֵדָה׃ וְאֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תְּדַבֵּר לֵאמֹר
טז אִישׁ אִישׁ כִּי־יְקַלֵּל אֱלֹהָיו וְנָשָׂא חֶטְאוֹ׃ וְנֹקֵב שֵׁם־יְהוָה
מוֹת יוּמָת רָגוֹם יִרְגְּמוּ־בוֹ כָּל־הָעֵדָה כַּגֵּר כָּאֶזְרָח בְּנָקְבוֹ
יז יח שֵׁם יוּמָת׃ וְאִישׁ כִּי יַכֶּה כָּל־נֶפֶשׁ אָדָם מוֹת יוּמָת׃ וּמַכֵּה
יט נֶפֶשׁ־בְּהֵמָה יְשַׁלְּמֶנָּה נֶפֶשׁ תַּחַת נָפֶשׁ׃ וְאִישׁ כִּי־יִתֵּן
כ מוּם בַּעֲמִיתוֹ כַּאֲשֶׁר עָשָׂה כֵּן יֵעָשֶׂה לּוֹ׃ שֶׁבֶר תַּחַת
שֶׁבֶר עַיִן תַּחַת עַיִן שֵׁן תַּחַת שֵׁן כַּאֲשֶׁר יִתֵּן מוּם בָּאָדָם
חמ׳ כֵּן יִנָּתֶן בּוֹ׃ וּמַכֵּה בְהֵמָה יְשַׁלְּמֶנָּה וּמַכֵּה אָדָם יוּמָת׃
כב מִשְׁפַּט אֶחָד יִהְיֶה לָכֶם כַּגֵּר כָּאֶזְרָח יִהְיֶה כִּי אֲנִי
כג יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיּוֹצִיאוּ
אֶת־הַמְקַלֵּל אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה וַיִּרְגְּמוּ אֹתוֹ אָבֶן וּבְנֵי־
יִשְׂרָאֵל עָשׂוּ כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ

17 און אַז אַ מאַן וועט דערשלאָגן עמיצן אַ מענטשן צום טויט, זאָל ער טייטן געטייט ווערן. 18 און דער וואָס דערשלאָגט אַ בהמה צום טויט, זאָל זי אָפּצאָלן; אַ לעבן פאַר אַ לעבן. 19 און אַז אַ מאַן וועט מאַכן זיין חבר אַ מום, זאָל געטאָן ווערן צו אים אַזוי ווי ער האָט געטאָן: 20 אַ בראָך פאַר אַ בראָך, אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן; אַזוי ווי דער מום וואָס ער וועט מאַכן דעם מענטשן, אַזוי זאָל געמאַכט ווערן צו אים. 21 יאָ, דער וואָס דערשלאָגט אַ בהמה מוז זי אָפּצאָלן; און דער וואָס דערשלאָגט אַ מענטשן מוז געטייט ווערן. 22 איין געזעץ זאָל זיין ביי אייך, ווי דער פרעמדער אַזוי זאָל זיין דער אַיינגעבאָרענער, וואָרום איך בין יהוה אייער גאָט.

23 און משה האָט גערעדט צו די קינדער פון ישׂראל, און זיי האָבן אַרויסגעפירט דעם וואָס האָט געשאָלטן אויסן לאַגער, און האָבן אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער; און די קינדער פון ישׂראל האָבן געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

## בְּהַר

### כה

כה 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן אויפן באַרג סינַי, אַזוי צו זאָגן: 2 רעד צו די קינדער פון ישׂראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד וואָס איך גיב אייך, זאָל דאָס לאַנד האַלטן אַ שבת צו גאָט. 3 זעקס יאָר זאָלסטו פאַרזייען דיין פעלד, און זעקס יאָר זאָלסטו אַרומשניידן דיין ווייַנגאָרטן, און אַיינזאַמלען דעם אייַנ־טראָג דערפון. 4 אָבער אויפן זיבעטן יאָר זאָל זיין אַ שבת פון רואונג פאַרן לאַנד, אַ שבת צו גאָט; דיין פעלד

א ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בְּהַר סִינַי לֵאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כִּי תָבֹאוּ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי
ג נֹתֵן לָכֶם וְשָׁבְתָה הָאָרֶץ שַׁבָּת לַיהוָה׃ שֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְרַע
שָׂדֶךָ וְשֵׁשׁ שָׁנִים תִּזְמֹר כַּרְמֶךָ וְאָסַפְתָּ אֶת־תְּבוּאָתָהּ׃
ד וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת שַׁבַּת שַׁבָּתוֹן יִהְיֶה לָאָרֶץ שַׁבָּת לַיהוָה
ה שָׂדְךָ לֹא תִזְרָע וְכַרְמְךָ לֹא תִזְמֹר׃ אֵת סְפִיחַ קְצִירְךָ
לֹא תִקְצוֹר וְאֶת־עִנְּבֵי נְזִירֶךָ לֹא תִבְצֹר שְׁנַת שַׁבָּתוֹן יִהְיֶה

כד, י׳ הני בסגול  טז׳ קמץ בזיק  כה, ד׳ קמץ בזיק

זאָלסטו ניט פאַרזייען, און דיין ווייַנגאָרטן זאָלסטו ניט אַרומשניידן. 5 דעם נאָכוווּקס פון דיין שניט זאָלסטו ניט שניידן, און די טרויבן פון דיינע ניט באַשניטענע ווייַנשטאָקן זאָלסטו ניט האַרבסטן; אַ יאָר פון רואונג זאָל עס זיין

[א] דעם נאָמען פון גאָט.

לָאָרֶץ: וְהָיְתָה שַׁבַּת הָאָרֶץ לָכֶם לְאָכְלָה לְךָ וּלְעַבְדְּךָ ו
וְלַאֲמָתֶךָ וְלִשְׂכִירְךָ וּלְתוֹשָׁבְךָ הַגָּרִים עִמָּךְ: וְלִבְהֶמְתְּךָ ז
וְלַחַיָּה אֲשֶׁר בְּאַרְצֶךָ תִּהְיֶה כָל־תְּבוּאָתָהּ לֶאֱכֹל: ס
וְסָפַרְתָּ לְךָ שֶׁבַע שַׁבְּתֹת שָׁנִים שֶׁבַע שָׁנִים שֶׁבַע פְּעָמִים ח
וְהָיוּ לְךָ יְמֵי שֶׁבַע שַׁבְּתֹת הַשָּׁנִים תֵּשַׁע וְאַרְבָּעִים שָׁנָה:
וְהַעֲבַרְתָּ שׁוֹפַר תְּרוּעָה בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִעִי בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ ט
בְּיוֹם הַכִּפֻּרִים תַּעֲבִירוּ שׁוֹפָר בְּכָל־אַרְצְכֶם: וְקִדַּשְׁתֶּם י
אֵת שְׁנַת הַחֲמִשִּׁים שָׁנָה וּקְרָאתֶם דְּרוֹר בָּאָרֶץ לְכָל־
יֹשְׁבֶיהָ יוֹבֵל הִוא תִּהְיֶה לָכֶם וְשַׁבְתֶּם אִישׁ אֶל־אֲחֻזָּתוֹ
וְאִישׁ אֶל־מִשְׁפַּחְתּוֹ תָּשֻׁבוּ: יוֹבֵל הִוא שְׁנַת הַחֲמִשִּׁים יא
שָׁנָה תִּהְיֶה לָכֶם לֹא תִזְרָעוּ וְלֹא תִקְצְרוּ אֶת־סְפִיחֶיהָ
וְלֹא תִבְצְרוּ אֶת־נְזִרֶיהָ: כִּי יוֹבֵל הִוא קֹדֶשׁ תִּהְיֶה לָכֶם יב
מִן־הַשָּׂדֶה תֹּאכְלוּ אֶת־תְּבוּאָתָהּ: בִּשְׁנַת הַיּוֹבֵל הַזֹּאת יג
תָּשֻׁבוּ אִישׁ אֶל־אֲחֻזָּתוֹ: וְכִי־תִמְכְּרוּ מִמְכָּר לַעֲמִיתֶךָ שני
אוֹ קָנֹה מִיַּד עֲמִיתֶךָ אַל־תּוֹנוּ אִישׁ אֶת־אָחִיו: בְּמִסְפַּר טו
שָׁנִים אַחַר הַיּוֹבֵל תִּקְנֶה מֵאֵת עֲמִיתֶךָ בְּמִסְפַּר שְׁנֵי־
תְבוּאֹת יִמְכָּר־לָךְ: לְפִי ׀ רֹב הַשָּׁנִים תַּרְבֶּה מִקְנָתוֹ וּלְפִי טז
מְעֹט הַשָּׁנִים תַּמְעִיט מִקְנָתוֹ כִּי מִסְפַּר תְּבוּאֹת הוּא
מֹכֵר לָךְ: וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת־עֲמִיתוֹ וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ כִּי יז
אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם: וַעֲשִׂיתֶם אֶת־חֻקֹּתַי וְאֶת־מִשְׁפָּטַי יח
תִּשְׁמְרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וִישַׁבְתֶּם עַל־הָאָרֶץ לָבֶטַח: וְנָתְנָה של' (שני)
הָאָרֶץ פִּרְיָהּ וַאֲכַלְתֶּם לָשֹׂבַע וִישַׁבְתֶּם לָבֶטַח עָלֶיהָ:
וְכִי תֹאמְרוּ מַה־נֹּאכַל בַּשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת הֵן לֹא נִזְרָע כ
וְלֹא נֶאֱסֹף אֶת־תְּבוּאָתֵנוּ: וְצִוִּיתִי אֶת־בִּרְכָתִי לָכֶם כא
בַּשָּׁנָה הַשִּׁשִּׁית וְעָשָׂת אֶת־הַתְּבוּאָה לִשְׁלֹשׁ הַשָּׁנִים:
וּזְרַעְתֶּם אֵת הַשָּׁנָה הַשְּׁמִינִת וַאֲכַלְתֶּם מִן־הַתְּבוּאָה יָשָׁן כב
עַד ׀ הַשָּׁנָה הַתְּשִׁיעִת עַד־בּוֹא תְּבוּאָתָהּ תֹּאכְלוּ יָשָׁן:

יא' קמץ בז"ק   כ' קמץ בז"ק

פאַרן לאַנד. [6] און די שבת־פּרוכט פון לאַנד זאָל זיין פאַר אײַך צום עסן: פאַר דיר, און פאַר דיין קנעכט, און פאַר דיין דינסט, און פאַר דיין געדונגענעם, און פאַר דיין איינגעוואַנדערטן, וואָס האַלט זיך אויף בײַ דיר; [7] און פאַר דיין בהמה, און פאַר דער חיה וואָס אין דיין לאַנד, זאָל זיין איר גאַנצער איינטראָג צום עסן.

[8] און זאָלסט דיר אָפּציילן זיבן שבתים יאָרן, זיבן מאָל זיבן יאָר; און די טעג פון די זיבן שבתים יאָרן וועלן דיר זיין ניין און פערציק יאָר. [9] דעמאָלט זאָלסטו אַרויסלאָזן אַ שאַלונג פון שופר; אין זיבעטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש, אום יום־כּפּור, זאָלט איר אַרויסלאָזן אַ שופר אין אײַער גאַנצן לאַנד. [10] און איר זאָלט הייליקן דאָס פופציקסטע יאָר, און אויסרופן אַ פרייִלאָזונג אין לאַנד פאַר אַלע אירע באַוווינער; יובל זאָל עס אײַך זיין; און איר זאָלט אײַך אומקערן איטלעכער צו זיין אייגנטום, און איטלעכער צו זיין משפּחה זאָלט איר אײַך אומקערן. [11] יובל זאָל דאָס פופציקסטע יאָר אײַך זיין; איר זאָלט ניט זייען, און ניט שניידן זיינע נאָכוווּקסן, און ניט האַרבסטן זיינע ניט באַשניטענע ווײַנשטאָקן. [12] וואָרום יובל איז דאָס; הייליק זאָל עס אײַך זיין; פון פעלד אַראָפּ זאָלט איר עסן זיין תבואה. [13] אין דעמדאָזיקן יאָר פון יובל זאָלט איר אײַך אומקערן איטלעכער צו זיין אייגנטום. [14] און אַז איר וועט פאַרקויפן אַ פאַרקויפונג צו דיין חבר, אָדער קויפן פון דער האַנט פון דיין חבר, זאָלט איר ניט נאַרן איינער דעם אַנדערן. [15] לויט דער צאָל פון די יאָרן נאָכן יובל זאָלסטו קויפן פון דיין חבר; לויט דער צאָל פון תבואה־יאָרן זאָל ער דיר פאַרקויפן. [16] לויט דער מערקייט פון די יאָרן זאָלסטו מערן דעם מקח דערפון, און לויט דער מינערקייט פון די יאָרן זאָלסטו מינערן דעם מקח דערפון; וואָרום די צאָל פון תבואות פאַרקויפט ער דיר. [17] און איר זאָלט ניט נאַרן איינער דעם אַנדערן, און זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין גאָט, וואָרום איך בין יהוה אײַער גאָט. [18] און איר זאָלט טאָן מיינע חוקים, און היטן מיינע געזעצן, און זיי טאָן, כּדי איר זאָלט זיצן אויף אײַער לאַנד אין זיכערקייט. [19] און דאָס לאַנד וועט געבן איר פּרוכט, און איר וועט עסן צו זאַט, און וועט זיצן אין זיכערקייט דערויף. [20] און אַז איר וועט זאָגן: וואָס וועלן מיר עסן אין זיבעטן יאָר? מיר וועלן דאָך ניט זייען, און ניט אײַנזאַמלען אונדזער תבואה? [21] וועל איך באַפעלן מיין ברכה אויף אײַך אין דעם זעקסטן יאָר, און עס וועט ברענגען תבואה פאַר דריי יאָר. [22] און אַז איר וועט זייען אויפן אַכטן יאָר, וועט איר עסן פון דער תבואה, דאָס אַלטע; ביזן ניינטן יאָר, ביז עס קומט זיין תבואה, וועט איר עסן דאָס אַלטע.

כג וְהָאָרֶץ לֹא תִמָּכֵר לִצְמִתֻת כִּי־לִי הָאָרֶץ כִּי־גֵרִים
כד וְתוֹשָׁבִים אַתֶּם עִמָּדִי׃ וּבְכֹל אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם גְּאֻלָּה תִּתְּנוּ
רב׳ לָאָרֶץ׃ ס כִּי־יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָכַר מֵאֲחֻזָּתוֹ וּבָא גֹאֲלוֹ
כו הַקָּרֹב אֵלָיו וְגָאַל אֵת מִמְכַּר אָחִיו׃ וְאִישׁ כִּי לֹא יִהְיֶה־
כז לּוֹ גֹּאֵל וְהִשִּׂיגָה יָדוֹ וּמָצָא כְּדֵי גְאֻלָּתוֹ׃ וְחִשַּׁב אֶת־
שְׁנֵי מִמְכָּרוֹ וְהֵשִׁיב אֶת־הָעֹדֵף לָאִישׁ אֲשֶׁר מָכַר־לוֹ
כח וְשָׁב לַאֲחֻזָּתוֹ׃ וְאִם לֹא־מָצְאָה יָדוֹ דֵּי הָשִׁיב לוֹ וְהָיָה
מִמְכָּרוֹ בְּיַד הַקֹּנֶה אֹתוֹ עַד שְׁנַת הַיּוֹבֵל וְיָצָא בַּיֹּבֵל וְשָׁב
חמ׳ (של׳) לַאֲחֻזָּתוֹ׃ ס וְאִישׁ כִּי־יִמְכֹּר בֵּית־מוֹשַׁב עִיר חוֹמָה
וְהָיְתָה גְּאֻלָּתוֹ עַד־תֹּם שְׁנַת מִמְכָּרוֹ יָמִים תִּהְיֶה גְאֻלָּתוֹ׃
ל וְאִם לֹא־יִגָּאֵל עַד־מְלֹאת לוֹ שָׁנָה תְמִימָה וְקָם הַבַּיִת
אֲשֶׁר־בָּעִיר אֲשֶׁר־לֹא חֹמָה לַצְּמִיתֻת לַקֹּנֶה אֹתוֹ לְדֹרֹתָיו
לא לֹא יֵצֵא בַּיֹּבֵל׃ וּבָתֵּי הַחֲצֵרִים אֲשֶׁר אֵין־לָהֶם חֹמָה
סָבִיב עַל־שְׂדֵה הָאָרֶץ יֵחָשֵׁב גְּאֻלָּה תִּהְיֶה־לּוֹ וּבַיֹּבֵל
לב יֵצֵא׃ וְעָרֵי הַלְוִיִּם בָּתֵּי עָרֵי אֲחֻזָּתָם גְּאֻלַּת עוֹלָם תִּהְיֶה
לג לַלְוִיִּם׃ וַאֲשֶׁר יִגְאַל מִן־הַלְוִיִּם וְיָצָא מִמְכַּר־בַּיִת וְעִיר
אֲחֻזָּתוֹ בַּיֹּבֵל כִּי בָתֵּי עָרֵי הַלְוִיִּם הִוא אֲחֻזָּתָם בְּתוֹךְ
לד בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וּשְׂדֵה מִגְרַשׁ עָרֵיהֶם לֹא יִמָּכֵר כִּי־אֲחֻזַּת
לה עוֹלָם הוּא לָהֶם׃ ס וְכִי־יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָטָה יָדוֹ עִמָּךְ
לו וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ גֵּר וְתוֹשָׁב וָחַי עִמָּךְ׃ אַל־תִּקַּח מֵאִתּוֹ נֶשֶׁךְ
לז וְתַרְבִּית וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ וְחֵי אָחִיךָ עִמָּךְ׃ אֶת־כַּסְפְּךָ
לח לֹא־תִתֵּן לוֹ בְּנֶשֶׁךְ וּבְמַרְבִּית לֹא־תִתֵּן אָכְלֶךָ׃ אֲנִי יְהֹוָה
אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר־הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם לָתֵת לָכֶם
ששי (רב׳) אֶת־אֶרֶץ כְּנַעַן לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹהִים׃ ס וְכִי־יָמוּךְ
אָחִיךָ עִמָּךְ וְנִמְכַּר־לָךְ לֹא־תַעֲבֹד בּוֹ עֲבֹדַת עָבֶד׃
מ כְּשָׂכִיר כְּתוֹשָׁב יִהְיֶה עִמָּךְ עַד־שְׁנַת הַיֹּבֵל יַעֲבֹד עִמָּךְ׃
מא וְיָצָא מֵעִמָּךְ הוּא וּבָנָיו עִמּוֹ וְשָׁב אֶל־מִשְׁפַּחְתּוֹ וְאֶל־

ל׳ לק

[23] און די ערד זאָל ניט פאַרקויפט ווערן אויף אייביק, וואָרום צו מיר געהערט די ערד; וואָרום פרעמדע און אײנגעוואַנדערטע זייט איר ביי מיר. [24] און אין דעם גאַנצן לאַנד פון אײער אייגנטום זאָלט איר געבן דער ערד אַן אויסלייזונג.

[25] אַז דיין ברודער וועט אָרים ווערן, און וועט פאַר־קויפן פון זיין אייגנטום, זאָל קומען זיין קרובֿ[א] וואָס איז דער נענטסטער צו אים, און אויסלייזן דעם פאַרקויף פון זיין ברודער. [26] און אַז אַ מאַן וועט ניט האָבן קיין אויסלייזער, אָבער זיין האַנט וועט ווערן פאַרמעגלעך, און ער וועט צוזאַמענקריגן גענוג עס אויסצולייזן, [27] זאָל ער באַרעכענען די יאָרן פון זיין פאַרקויפונג, און צוריקצאָלן דעם רעשט צו דעם מאַן וואָס ער האָט צו אים פאַר־קויפט; און ער זאָל זיך אומקערן צו זיין אייגנטום. [28] אויב אָבער זיין האַנט קען ניט צונויפקריגן גענוג אים צוריקצוצאָלן, זאָל זיין פאַרקויף בלייבן אין דער האַנט פון דעם וואָס האָט עס געקויפט, ביז דעם יאָר פון יובל, און אום יובל זאָל עס אַרויסגיין; און ער זאָל זיך אומ־קערן צו זיין אייגנטום.

[29] און אַז אַ מאַן וועט פאַרקויפן אַ וווינהויז אין אַ שטאָט מיט אַ מויער, זאָל זיין אויסלייזרעכט זיין ביז עס ענדיקט זיך דאָס יאָר פון זיין פאַרקויפונג; אַ יאָר זאָל זיין זיין אויסלייזרעכט. [30] אויב אָבער עס וועט ניט אויס־געלייזט ווערן ביז עס ווערט פול דערויף אַ גאַנץ יאָר, זאָל דאָס הויז וואָס אין דער שטאָט וואָס האָט אַ מויער, בלייבן אויף אייביק ביי דעם וואָס האָט עס געקויפט, אויף זיינע דור־דורות; עס זאָל ניט אַרויסגיין אום יובל. [31] אָבער די הייזער פון די דערפער, וואָס האָבן ניט קיין מויער רונד אַרום, זאָלן צוגערעכנט ווערן צום פעלד פון לאַנד; זיי זאָלן האָבן אַן אויסלייזונג, און אום יובל זאָלן זיי אַרויסגיין. [32] און די שטעט פון די לוִיִים, די הייזער פון די שטעט פון זייער אייגנטום—די לוִיִים האָבן אַן אייביק אויס־לייזרעכט. [33] און אַז מע וועט קויפן פון די לוִיִים, זאָל דאָס פאַרקויפטע הויז אין דער שטאָט פון זיין אייגנטום אַרויס־גיין אום יובל, וואָרום די הייזער פון די שטעט פון די לוִיִים דאָס איז זייער אייגנטום צווישן די קינדער פון ישׂראל. [34] אָבער דאָס פעלד פון דעם פרייען פּלאַץ אַרום זייערע שטעט קען ניט פאַרקויפט ווערן, וואָרום אַן אייביק אייגנ־טום איז דאָס זיי.

[35] און אַז דיין ברודער וועט אָרים ווערן, און זיין האַנט וועט זיין געפאַלן ביי דיר, זאָלסטו אים אויפהאַלטן ווי אַ פרעמדן און אַײנגעוואַנדערטן, אַז ער זאָל קענען לעבן ביי דיר. [36] זאָלסט ניט נעמען פון אים צינזן אָדער מערונג, און זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין גאָט; כּדי דיין ברודער זאָל קענען לעבן ביי דיר. [37] זאָלסט אים ניט געבן דיין געלט אויף צינזן, און דיין עסנוואַרג זאָלסטו ניט געבן אויף מערונג. [38] איך בין יהוה אײער גאָט וואָס האָב אַײך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם, אַײך צו געבן דאָס לאַנד כּנַעַן, אַײך צו זיין צום גאָט.

[39] און אַז דיין ברודער וועט אָרים ווערן ביי דיר, און וועט זיך פאַרקויפן צו דיר, זאָלסטו ניט אַרבעטן מיט אים אַזוי ווי מע אַרבעט מיט אַ קנעכט. [40] ווי אַ געדונגענער, ווי אַן אַײנגעוואַנדערטער, זאָל ער זיין ביי דיר; ביז דעם יאָר פון יובל זאָל ער דינען ביי דיר. [41] דענסמאָל זאָל ער אַרויסגיין פון דיר, ער און זיינע קינדער מיט אים, און ער זאָל זיך אומקערן

[א] אין טעקסט: גֹאֲלוֹ, זיין גואל אָדער אויסלייזער.

מב אחזת אבתיו ישוב: כי־עבדי הם אשר־הוצאתי אתם
מג מארץ מצרים לא ימכרו ממכרת עבד: לא־תרדה בו
מד בפרך ויראת מאלהיך: ועבדך ואמתך אשר יהיו־לך
מאת הגוים אשר סביבתיכם מהם תקנו עבד ואמה:
מה וגם מבני התושבים הגרים עמכם מהם תקנו וממשפחתם
אשר עמכם אשר הולידו בארצכם והיו לכם לאחזה:
מו והתנחלתם אתם לבניכם אחריכם לרשת אחזה לעלם
בהם תעבדו ובאחיכם בני־ישראל איש באחיו לא־
שב' תרדה בו בפרך: ס וכי תשיג יד גר ותושב עמך
ומך אחיך עמו ונמכר לגר תושב עמך או לעקר
מח משפחת גר: אחרי נמכר גאלה תהיה־לו אחד מאחיו
מט יגאלנו: או־דדו או בן־דדו יגאלנו או־משאר בשרו
נ ממשפחתו יגאלנו או־השיגה ידו ונגאל: וחשב עם־
קנהו משנת המכרו לו עד שנת היבל והיה כסף ממכרו
נא במספר שנים כימי שכיר יהיה עמו: אם־עוד רבות
נב בשנים לפיהן ישיב גאלתו מכסף מקנתו: ואם־מעט
נשאר בשנים עד־שנת היבל וחשב־לו כפי שניו ישיב
נג את־גאלתו: כשכיר שנה בשנה יהיה עמו לא־ירדנו
נד בפרך לעיניך: ואם־לא יגאל באלה ויצא בשנת היבל
מפ' הוא ובניו עמו: כי־לי בני־ישראל עבדים עבדי הם
אשר־הוצאתי אותם מארץ מצרים אני יהוה אלהיכם:

כו

א לא־תעשו לכם אלילם ופסל ומצבה לא־תקימו לכם
ואבן משכית לא תתנו בארצכם להשתחות עליה כי
ב אני יהוה אלהיכם: את־שבתתי תשמרו ומקדשי תיראו
אני יהוה: פ

צו זיין משפחה, און צו דעם אייגנטום פון זיינע עלטערן זאָל ער זיך אומקערן. [42] וואָרום מײַנע קנעכט זיינען זיי, וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם; זיי טאָרן ניט פאַרקויפט ווערן ווי מע פאַרקויפט אַ קנעכט. [43] זאָלסט ניט געוועלטיקן איבער אים מיט האַרטיקייט, און זאָלסט מורא האָבן פאַר דיין גאָט. [44] און דיין קנעכט און דיין דינסט, וואָס וועלן זיין ביי דיר—פון די פעלקער וואָס אַרום אײַך, פון זיי זאָלט איר קויפן אַ קנעכט אָדער אַ דינסט. [45] און אויך פון די קינדער פון די אײַנגעוואַנדערטע וואָס האַלטן זיך אויף ביי אײַך, פון זיי קענט איר קויפן, און פון זייערע משפחות וואָס ביי אײַך, וואָס זיי האָבן געבאָרן אין אײַער לאַנד; און זיי קענען אײַך ווערן צום אייגנטום. [46] און איר קענט זיי לאָזן בירושה צו אײַערע קינדער נאָך אײַך, צו אַרבן פאַר אַן אייגנטום; אויף אייביק קענט איר אַרבעטן מיט זיי; אָבער איבער אײַערע ברידער, די קינדער פון ישראל, איינער איבערן אַנדערן, זאָלט איר ניט געוועלטיקן מיט האַרטיקייט.

[47] און אַז די האַנט פון דעם פרעמדן אָדער דעם אײַנגעוואַנדערטן ביי דיר וועט ווערן פאַרמעגלעך, און דיין ברודער וועט אָרים ווערן לעבן אים, און וועט זיך פאַרקויפן צו דעם אײַנגעוואַנדערטן פרעמדן ביי דיר, אָדער צו אַן אָפּשטאַם פון אַ פרעמדנס משפחה, [48] קען ער, נאָכדעם ווי ער האָט זיך פאַרקויפט, האָבן אַן אויסלייזונג; איינער פון זיינע ברידער קען אים אויסלייזן; [49] אָדער זיין פעטער, אָדער זיין פעטערס זון קען אים אויסלייזן, אָדער עמיצער אַ לייב־קרוב פון זיין משפחה קען אים אויסלייזן; אָדער, אויב זיין האַנט ווערט פאַרמעגלעך, קען ער זיך אַליין אויסלייזן. [50] און ער זאָל זיך אויסרעכענען מיט זיין קויפער, פון דעם יאָר וואָס ער האָט זיך פאַרקויפט צו אים ביז דעם יאָר פון יובל, און דאָס געלט פון זיין פאַרקויפונג זאָל אויסגעוואָרפן ווערן לויט דער צאָל פון יאָרן; אַזוי ווי די טעג פון אַ געדונגענעם זאָל זיין וואָס ער איז אָפּגעווען ביי אים. [51] סיי עס זיינען נאָך דאָ פיל יאָרן, זאָל ער לויט זיי צוריקצאָלן פון זיין קויפגעלט פאַר זיין אויסלייזונג, [52] און סיי עס זיינען געבליבן ווינציק יאָרן ביז דעם יאָר פון יובל, זאָל ער זיך מיט אים אויסרעכענען; ווי נאָך זיינע יאָרן זאָל ער צוריקצאָלן פאַר זיין אויסלייזונג. [53] אַזוי ווי אַ געדונגענער פון יאָר צו יאָר זאָל ער זיין ביי אים; ער זאָל ניט געוועלטיקן איבער אים מיט האַרטיקייט פאַר דיינע אויגן. [54] און אויב ער וועט ניט אויסגעלייזט ווערן אויף דידאָזיקע אופנים, זאָל ער אַרויסגיין אין יאָר פון יובל, ער און זיינע קינדער מיט אים. [55] וואָרום צו מיר זיינען די קינדער פון ישראל קנעכט; מיינע קנעכט זיינען זיי, וואָס איך האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם: איך בין יהוה אײַער גאָט.

כו [1] איר זאָלט אײַך ניט מאַכן אָפּגעטער, און אַ געשניצטן געץ און אַ ציילשטיין זאָלט איר אײַך ניט אויפשטעלן, און אַ שטיינבילד זאָלט איר ניט שטעלן אין אײַער לאַנד, זיך צו בוקן פאַר אים, וואָרום איך בין יהוה אײַער גאָט. [2] מיינע שבתים זאָלט איר היטן, און פאַר מיין הייליקטום זאָלט איר האָבן אָפּשיי: איך בין יהוה.

# בְּחֻקֹּתַי

ג אם־בחקתי תלכו ואת־מצותי תשמרו ועשיתם אתם:

[3] אויב איר וועט גיין אין מיינע חוקים, און היטן מיינע

כה, מו׳ ב׳ טעמים

ד וְנָתַתִּי גִשְׁמֵיכֶם בְּעִתָּם וְנָתְנָה הָאָרֶץ יְבוּלָהּ וְעֵץ הַשָּׂדֶה
ה יִתֵּן פִּרְיוֹ׃ וְהִשִּׂיג לָכֶם דַּיִשׁ אֶת־בָּצִיר וּבָצִיר יַשִּׂיג אֶת־
זָרַע וַאֲכַלְתֶּם לַחְמְכֶם לָשֹׂבַע וִישַׁבְתֶּם לָבֶטַח בְּאַרְצְכֶם׃
ו וְנָתַתִּי שָׁלוֹם בָּאָרֶץ וּשְׁכַבְתֶּם וְאֵין מַחֲרִיד וְהִשְׁבַּתִּי חַיָּה
שני רָעָה מִן־הָאָרֶץ וְחֶרֶב לֹא־תַעֲבֹר בְּאַרְצְכֶם׃ וּרְדַפְתֶּם
ח אֶת־אֹיְבֵיכֶם וְנָפְלוּ לִפְנֵיכֶם לֶחָרֶב׃ וְרָדְפוּ מִכֶּם חֲמִשָּׁה
מֵאָה וּמֵאָה מִכֶּם רְבָבָה יִרְדֹּפוּ וְנָפְלוּ אֹיְבֵיכֶם לִפְנֵיכֶם
ט לֶחָרֶב׃ וּפָנִיתִי אֲלֵיכֶם וְהִפְרֵיתִי אֶתְכֶם וְהִרְבֵּיתִי אֶתְכֶם
שלי׳ (חמ׳) וַהֲקִימֹתִי אֶת־בְּרִיתִי אִתְּכֶם׃ וַאֲכַלְתֶּם יָשָׁן נוֹשָׁן וְיָשָׁן
יא מִפְּנֵי חָדָשׁ תּוֹצִיאוּ׃ וְנָתַתִּי מִשְׁכָּנִי בְּתוֹכְכֶם וְלֹא־תִגְעַל
יב נַפְשִׁי אֶתְכֶם׃ וְהִתְהַלַּכְתִּי בְּתוֹכְכֶם וְהָיִיתִי לָכֶם לֵאלֹהִים
יג וְאַתֶּם תִּהְיוּ־לִי לְעָם׃ אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי
אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִהְיֹת לָהֶם עֲבָדִים וָאֶשְׁבֹּר מֹטֹת
עֻלְּכֶם וָאוֹלֵךְ אֶתְכֶם קוֹמְמִיּוּת׃ פ
יד וְאִם־לֹא תִשְׁמְעוּ לִי וְלֹא תַעֲשׂוּ אֵת כָּל־הַמִּצְוֺת הָאֵלֶּה׃
טו וְאִם־בְּחֻקֹּתַי תִּמְאָסוּ וְאִם אֶת־מִשְׁפָּטַי תִּגְעַל נַפְשְׁכֶם
טז לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת אֶת־כָּל־מִצְוֺתַי לְהַפְרְכֶם אֶת־בְּרִיתִי׃ אַף־
אֲנִי אֶעֱשֶׂה־זֹּאת לָכֶם וְהִפְקַדְתִּי עֲלֵיכֶם בֶּהָלָה אֶת־
הַשַּׁחֶפֶת וְאֶת־הַקַּדַּחַת מְכַלּוֹת עֵינַיִם וּמְדִיבֹת נָפֶשׁ וּזְרַעְתֶּם
יז לָרִיק זַרְעֲכֶם וַאֲכָלֻהוּ אֹיְבֵיכֶם׃ וְנָתַתִּי פָנַי בָּכֶם וְנִגַּפְתֶּם
לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם וְרָדוּ בָכֶם שֹׂנְאֵיכֶם וְנַסְתֶּם וְאֵין־רֹדֵף
יח אֶתְכֶם׃ וְאִם־עַד־אֵלֶּה לֹא תִשְׁמְעוּ לִי וְיָסַפְתִּי לְיַסְּרָה
יט אֶתְכֶם שֶׁבַע עַל־חַטֹּאתֵיכֶם׃ וְשָׁבַרְתִּי אֶת־גְּאוֹן עֻזְּכֶם
כ וְנָתַתִּי אֶת־שְׁמֵיכֶם כַּבַּרְזֶל וְאֶת־אַרְצְכֶם כַּנְּחֻשָׁה׃ וְתַם
לָרִיק כֹּחֲכֶם וְלֹא־תִתֵּן אַרְצְכֶם אֶת־יְבוּלָהּ וְעֵץ הָאָרֶץ לֹא
כא יִתֵּן פִּרְיוֹ׃ וְאִם־תֵּלְכוּ עִמִּי קֶרִי וְלֹא תֹאבוּ לִשְׁמֹעַ לִי
כב וְיָסַפְתִּי עֲלֵיכֶם מַכָּה שֶׁבַע כְּחַטֹּאתֵיכֶם׃ וְהִשְׁלַחְתִּי בָכֶם

טו׳ קמץ בז״ק

געבאָט, און זיי טאָן, 4 וועל איך געבן אײַערע רעגנס אין
זייער צײַט, און די ערד וועט געבן איר תבואה, און דער
בוים פון פעלד וועט געבן זײַן פרוכט. 5 און דרעשן וועט
גרייכן בײַ אײַך ביז האַרבסטן, און האַרבסטן וועט גרייכן
ביז זריעה־צײַט; און איר וועט עסן אײַער ברויט צו זאַט,
און זיצן אין זיכערקייט אין אײַער לאַנד. 6 און איך וועל
געבן שלום אין לאַנד, און איר וועט זיך לייגן, און קיינער
וועט ניט שרעקן; און איך וועל אויסראָטן אַ בייזע חיה
פון לאַנד, און אַ שווערד וועט ניט דורכגיין אין אײַער
לאַנד. 7 און איר וועט נאָכיאָגן אײַערע פײַנט, און זיי
וועלן פאַלן פאַר אײַך דורכן שווערד. 8 און פינף פון
אײַך וועלן נאָכיאָגן הונדערט, און הונדערט פון אײַך וועלן
נאָכיאָגן צען טויזנט, און אײַערע פײַנט וועלן פאַלן פאַר
אײַך דורכן שווערד. 9 און איך וועל זיך קערן צו אײַך,
און וועל אײַך פרוכפּערן און אײַך מערן, און איך וועל
אויפשטעלן מײַן בונד מיט אײַך. 10 און איר וועט עסן
אַלטע, גאָר אַלטע [תבואה], און איר וועט אַרויסראַמען
די אַלטע פון וועגן דער נײַער. 11 און איך וועל מאַכן
מײַן רוּונג צווישן אײַך, און מײַן זעל וועט אײַך ניט פאַר־
אומווערדיקן. 12 און איך וועל אומגיין צווישן אײַך, און
וועל אײַך זײַן צום גאָט, און איר וועט מיר זײַן צום פאָלק.
13 איך בין יהוה אײַער גאָט, וואָס האָב אײַך אַרויסגעצויגן
פון לאַנד מִצרַיִם, פון צו זײַן קנעכט צו זיי. און איך האָב
צעבראָכן די שטאַנגען פון אײַער יאָך, און האָב אײַך גע־
פירט מיט אַן אויפגעהויבענעם קאָפּ.

14 אויב אָבער איר וועט ניט צוהערן צו מיר, און
וועט ניט טאָן אַלע דיזאָזיקע געבאָט, 15 און אויב מײַנע חוקים וועט איר פאַראַכטן, און אויב מײַנע געזעצן וועט
פאַראומווערדיקן אײַער זעל, ניט צו טאָן אַלע מײַנע געבאָט, כּדי איר זאָלט פאַרשטערן מײַן בונד, 16 וועל איך אויך
טאָן דאָסדאָזיקע צו אײַך: איך וועל אָנזעצן אויף אײַך אַ בהלה–די דער, און קדחת, וואָס מאַכן אויסגיין די אויגן און
פאַרשמאַכטן די זעל. און איר וועט זייען אײַער זאָמען אומזיסט, וואָרום אײַערע פײַנט וועלן עס אויפעסן. 17 און
איך וועל קערן מײַן פּנים אַקעגן אײַך, און איר וועט געשלאָגן ווערן פאַר אײַערע פײַנט, און אײַערע שׂונאים וועלן גע־
וועלטיקן איבער אײַך; און איר וועט לויפן ווען קיינער יאָגט אײַך ניט.

18 און אויב איר וועט בײַ אַלעם דעם ניט צוהערן צו מיר, וועל איך אײַך זיבן מאָל מער שטראָפן פאַר אײַערע
זינד. 19 און איך וועל צעברעכן אײַער שטאָלצע מאַכט, און וועל מאַכן אײַער הימל אַזוי ווי אײַזן, און אײַער ערד אַזוי
ווי קופּער. 20 און אײַער כּוח וועט אַוועקגיין אומזיסט, און אײַער ערד וועט ניט געבן איר תבואה, און דער בוים פון
לאַנד וועט ניט געבן זײַן פרוכט.

21 און אויב איר וועט גיין מיר דערווידער, און וועט ניט וועלן צוהערן צו מיר, וועל איך זיבן מאָל
מערן אויף אײַך שלעק, לויט אײַערע זינד. 22 און איך וועל אָנשיקן אויף אײַך די חיה פון פעלד, און

אֶת־חַיַּת הַשָּׂדֶה וְשִׁכְּלָה אֶתְכֶם וְהִכְרִיתָה אֶת־בְּהֶמְתְּכֶם
וְהִמְעִיטָה אֶתְכֶם וְנָשַׁמּוּ דַּרְכֵיכֶם׃ וְאִם־בְּאֵלֶּה לֹא תִוָּסְרוּ כג
לִי וַהֲלַכְתֶּם עִמִּי קֶרִי׃ וְהָלַכְתִּי אַף־אֲנִי עִמָּכֶם בְּקֶרִי כד
וְהִכֵּיתִי אֶתְכֶם גַּם־אָנִי שֶׁבַע עַל־חַטֹּאתֵיכֶם׃ וְהֵבֵאתִי כה
עֲלֵיכֶם חֶרֶב נֹקֶמֶת נְקַם־בְּרִית וְנֶאֱסַפְתֶּם אֶל־עָרֵיכֶם
וְשִׁלַּחְתִּי דֶבֶר בְּתוֹכְכֶם וְנִתַּתֶּם בְּיַד־אוֹיֵב׃ בְּשִׁבְרִי לָכֶם כו
מַטֵּה־לֶחֶם וְאָפוּ עֶשֶׂר נָשִׁים לַחְמְכֶם בְּתַנּוּר אֶחָד וְהֵשִׁיבוּ
לַחְמְכֶם בַּמִּשְׁקָל וַאֲכַלְתֶּם וְלֹא תִשְׂבָּעוּ׃ ס וְאִם־ כז
בְּזֹאת לֹא תִשְׁמְעוּ לִי וַהֲלַכְתֶּם עִמִּי בְּקֶרִי׃ וְהָלַכְתִּי כח
עִמָּכֶם בַּחֲמַת־קֶרִי וְיִסַּרְתִּי אֶתְכֶם אַף־אָנִי שֶׁבַע עַל־
חַטֹּאתֵיכֶם׃ וַאֲכַלְתֶּם בְּשַׂר בְּנֵיכֶם וּבְשַׂר בְּנֹתֵיכֶם תֹּאכֵלוּ׃ כט
וְהִשְׁמַדְתִּי אֶת־בָּמֹתֵיכֶם וְהִכְרַתִּי אֶת־חַמָּנֵיכֶם וְנָתַתִּי אֶת־ ל
פִּגְרֵיכֶם עַל־פִּגְרֵי גִּלּוּלֵיכֶם וְגָעֲלָה נַפְשִׁי אֶתְכֶם׃ וְנָתַתִּי לא
אֶת־עָרֵיכֶם חָרְבָּה וַהֲשִׁמּוֹתִי אֶת־מִקְדְּשֵׁיכֶם וְלֹא אָרִיחַ
בְּרֵיחַ נִיחֹחֲכֶם׃ וַהֲשִׁמֹּתִי אֲנִי אֶת־הָאָרֶץ וְשָׁמְמוּ עָלֶיהָ לב
אֹיְבֵיכֶם הַיֹּשְׁבִים בָּהּ׃ וְאֶתְכֶם אֱזָרֶה בַגּוֹיִם וַהֲרִיקֹתִי לג
אַחֲרֵיכֶם חָרֶב וְהָיְתָה אַרְצְכֶם שְׁמָמָה וְעָרֵיכֶם יִהְיוּ חָרְבָּה׃
אָז תִּרְצֶה הָאָרֶץ אֶת־שַׁבְּתֹתֶיהָ כֹּל יְמֵי הֳשַׁמָּה וְאַתֶּם לד
בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיכֶם אָז תִּשְׁבַּת הָאָרֶץ וְהִרְצָת אֶת־שַׁבְּתֹתֶיהָ׃
כָּל־יְמֵי הָשַּׁמָּה תִּשְׁבֹּת אֵת אֲשֶׁר לֹא־שָׁבְתָה בְּשַׁבְּתֹתֵיכֶם לה
בְּשִׁבְתְּכֶם עָלֶיהָ׃ וְהַנִּשְׁאָרִים בָּכֶם וְהֵבֵאתִי מֹרֶךְ בִּלְבָבָם לו
בְּאַרְצֹת אֹיְבֵיהֶם וְרָדַף אֹתָם קוֹל עָלֶה נִדָּף וְנָסוּ מְנֻסַת־
חֶרֶב וְנָפְלוּ וְאֵין רֹדֵף׃ וְכָשְׁלוּ אִישׁ־בְּאָחִיו כְּמִפְּנֵי־חֶרֶב לז
וְרֹדֵף אָיִן וְלֹא־תִהְיֶה לָכֶם תְּקוּמָה לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם׃ וַאֲבַדְתֶּם לח
בַּגּוֹיִם וְאָכְלָה אֶתְכֶם אֶרֶץ אֹיְבֵיכֶם׃ וְהַנִּשְׁאָרִים בָּכֶם לט
יִמַּקּוּ בַּעֲוֺנָם בְּאַרְצֹת אֹיְבֵיכֶם וְאַף בַּעֲוֺנֹת אֲבֹתָם אִתָּם
יִמָּקּוּ׃ וְהִתְוַדּוּ אֶת־עֲוֺנָם וְאֶת־עֲוֺן אֲבֹתָם בְּמַעֲלָם אֲשֶׁר מ
מָעֲלוּ־בִי וְאַף אֲשֶׁר־הָלְכוּ עִמִּי בְּקֶרִי׃ אַף־אֲנִי אֵלֵךְ עִמָּם מא

זי וועט אײַך באַרויבן פון קינדער, און פאַרשנײַדן אײַערע בהמות, און אײַך פאַרמינערן; און אײַערע וועגן וועלן פאַרוויסט ווערן.

23 און אויב איר וועט דערמיט מיר ניט אויסגעמוסרט ווערן, און איר וועט גיין מיר דערווידער, 24 וועל איך אויך גיין אײַך דערווידער, און איך אויך וועל אײַך שלאָגן זיבן מאָל פאַר אײַערע זינד. 25 און איך וועל ברענגען אויף אײַך אַ שווערד, וואָס וועט זיך נוקם זיין די נקמה פון דעם בונד, און איר וועט זיך פאַרקלייבן אין אײַערע שטעט. און איך וועל אָנשיקן אַ מגפה צווישן אײַך, און איר וועט געגעבן ווערן אין דער האַנט פון דעם פײַנט. 26 אַז איך וועל אײַך צעברעכן דעם אונטערלען פון ברויט, וועלן צען ווײַבער באַקן אײַער ברויט אין איין אויוון, און זיי וועלן אָפּברענגען אײַער ברויט אויפן וואָג, און איר וועט עסן און ניט זאַט ווערן.

27 און אויב איר וועט נאָך דעם ניט צוהערן צו מיר, און איר וועט גיין מיר דערווידער, 28 וועל איך גיין אײַך דערווידער מיט גרימצאָרן, און איך אויך וועל אײַך שטראָפן זיבן מאָל פאַר אײַערע זינד. 29 און איר וועט עסן דאָס פלייש פון אײַערע זין, און דאָס פלייש פון אײַערע טעכטער וועט איר עסן. 30 און איך וועל פאַרטיליקן אײַערע בָמות, און וועל פאַרשנײַדן אײַערע זונזײַלן, און אַהינטאָן אײַערע פּגרים אויף די פּגרים פון אײַערע געצן, און מײַן זעל וועט אײַך פאַראומווערדיקן. 31 און איך וועל מאַכן פון אײַערע שטעט אַ חורבן, און וועל פאַרוויסטן אײַערע הייליקטומען, און וועל ניט שמעקן אײַערע געשמאַקע ריחות. 32 און איך וועל פאַרוויסטן דאָס לאַנד, און אײַערע פײַנט וואָס זיצן דערין, וועלן גאַפן איבער איר. 33 און אײַך וועל איך צעשפּרייטן צווישן די פעלקער, און איך וועל אַרויסציִען נאָך אײַך אַ שווערד, און אײַער לאַנד וועט זיין אַ וויסטעניש, און אײַערע שטעט וועלן זיין אַ חורבן. 34 דענסמאָל וועט דאָס לאַנד אָפּצאָלן אירע שבתים—אַלע טעג וואָס עס וועט וויסט זיין, און איר וועט זיין אין דעם לאַנד פון אײַערע פײַנט; דענסמאָל וועט דאָס לאַנד רוען, און באַצאָלן אירע שבתים. 35 אַלע טעג וואָס עס וועט וויסט זיין, וועט עס רוען ווי עס האָט ניט גערוט אין אײַערע שבתים, ווען איר זייט געזעסן דערויף. 36 און די וואָס וועלן בלײַבן פון אײַך, וועל איך אַרײַנברענגען אַ שרעקעדיקייט אין זייער האַרצן, אין די לענדער פון זייער פײַנט, און זיי וועט נאָכיאָגן דער שאָרך פון אַ געטריבענעם בלאַט, און זיי וועלן לויפן ווי מע לויפט פון שווערד, און פאַלן ווען קיינער יאָגט ניט. 37 און זיי וועלן געשטרויכלט ווערן איינער אָן אַנדערן, אַזוי ווי פאַרן שווערד, ווען קיינער יאָגט ניט; און איר וועט ניט האָבן קיין תקומה פאַר אײַערע פײַנט. 38 און איר וועט אונטערגיין צווישן די פעלקער, און דאָס לאַנד פון אײַערע פײַנט וועט אײַך אויפעסן. 39 און די געבליבענע פון אײַך וועלן אײַנגיין פאַר זייער זינד אין די לענדער פון אײַערע פײַנט; און אויך פאַר די זינד פון זייערע עלטערן וועלן זיי אײַנגיין אַזוי ווי יענע. 40 און זיי וועלן זיך מודה זיין אויף זייערע זינד, און אויף די זינד פון זייערע עלטערן, אין זייער פעלשונג, וואָס זיי האָבן געפעלשט אָן מיר, און אויך וואָס זיי זײַנען געגאַנגען מיר דערווידער; 41 [וואָס דערפאַר] בין איך אויך זיי געגאַנגען

דערווידער, און האָב זיי געבראַכט אין דעם לאַנד פון
זייערע פיינט. אויב זייער אומבאַשניטן האַרץ וועט דענס־
מאָל ווערן אונטערטעניק, און זיי וועלן דענסמאָל האָבן
אָפּגעצאָלט פאַר זייערע זינד, [42] וועל איך זיך דערמאָנען
אָן מיין בונד מיט יעקבן, און אויך אָן מיין בונד מיט יצחקן,
און אויך אָן מיין בונד מיט אַברהמען וועל איך זיך דער־
מאָנען, און אָן דעם לאַנד וועל איך זיך דערמאָנען.
[43] וואָרום דאָס לאַנד וועט זיין פאַרלאָזן אָן זיי, און וועט
אָפּצאָלן אירע שבתים, ווען עס וועט זיין וויסט אָן זיי; און
זיי וועלן אָפּצאָלן פאַר זייערע זינד; ווייל און באַווייל
מיינע געזעצן האָבן זיי פאַראַכט, און מיינע חוקים האָט
פאַראומווערדיקט זייער זעל. [44] אָבער אַפילו דענסמאָל,
ווען זיי וועלן זיין אין דעם לאַנד פון זייערע פיינט, וועל
איך זיי ניט פאַראַכטן, און וועל זיי ניט פאַראומווערדיקן,
זיי צו פאַרלענדן, צו פאַרשטערן מיין בונד מיט זיי, וואָרום
איך בין יהוה זייער גאָט. [45] און איך וועל זיך דערמאָנען
פון זייערטוועגן אָן דעם בונד מיט די ערשטע, וואָס איך
האָב זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם פאַר די אויגן פון
די פעלקער, זיי צו זיין צום גאָט: איך בין יהוה.

[46] דאָס זיינען די חוקים און די געזעצן און די לער־
נונגען וואָס גאָט האָט געגעבן צווישן אים און צווישן די
קינדער פון ישׂראל אויפן באַרג סיני דורך דער האַנט פון משהן.

בְּקִרְיִ וְהֵבֵאתִי אֹתָם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם אוֹ־אָז יִכָּנַע לְבָבָם
מב הֶעָרֵל וְאָז יִרְצוּ אֶת־עֲוֺנָם׃ וְזָכַרְתִּי אֶת־בְּרִיתִי יַעֲקוֹב
וְאַף אֶת־בְּרִיתִי יִצְחָק וְאַף אֶת־בְּרִיתִי אַבְרָהָם אֶזְכֹּר
מג וְהָאָרֶץ אֶזְכֹּר׃ וְהָאָרֶץ תֵּעָזֵב מֵהֶם וְתִרֶץ אֶת־שַׁבְּתֹתֶיהָ
בָּהְשַׁמָּה מֵהֶם וְהֵם יִרְצוּ אֶת־עֲוֺנָם יַעַן וּבְיַעַן בְּמִשְׁפָּטַי
מד מָאָסוּ וְאֶת־חֻקֹּתַי גָּעֲלָה נַפְשָׁם׃ וְאַף גַּם־זֹאת בִּהְיוֹתָם
בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם לֹא־מְאַסְתִּים וְלֹא־גְעַלְתִּים לְכַלֹּתָם לְהָפֵר
מה בְּרִיתִי אִתָּם כִּי אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם׃ וְזָכַרְתִּי לָהֶם בְּרִית
רִאשֹׁנִים אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי־אֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לְעֵינֵי הַגּוֹיִם
מו לִהְיוֹת לָהֶם לֵאלֹהִים אֲנִי יְהוָה׃ אֵלֶּה הַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים
וְהַתּוֹרֹת אֲשֶׁר נָתַן יְהוָה בֵּינוֹ וּבֵין בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּהַר סִינַי
בְּיַד־מֹשֶׁה׃ פ

כז

רב׳ (שש׳) וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אִישׁ כִּי יַפְלִא נֶדֶר בְּעֶרְכְּךָ נְפָשֹׁת לַיהוָה׃
ג וְהָיָה עֶרְכְּךָ הַזָּכָר מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וְעַד בֶּן־שִׁשִּׁים שָׁנָה
ד וְהָיָה עֶרְכְּךָ חֲמִשִּׁים שֶׁקֶל כֶּסֶף בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ׃ וְאִם־
ה נְקֵבָה הִוא וְהָיָה עֶרְכְּךָ שְׁלֹשִׁים שָׁקֶל׃ וְאִם מִבֶּן־חָמֵשׁ
שָׁנִים וְעַד בֶּן־עֶשְׂרִים שָׁנָה וְהָיָה עֶרְכְּךָ הַזָּכָר עֶשְׂרִים
ו שְׁקָלִים וְלַנְּקֵבָה עֲשֶׂרֶת שְׁקָלִים׃ וְאִם מִבֶּן־חֹדֶשׁ וְעַד
בֶּן־חָמֵשׁ שָׁנִים וְהָיָה עֶרְכְּךָ הַזָּכָר חֲמִשָּׁה שְׁקָלִים כָּסֶף
ז וְלַנְּקֵבָה עֶרְכְּךָ שְׁלֹשֶׁת שְׁקָלִים כָּסֶף׃ וְאִם מִבֶּן־שִׁשִּׁים
שָׁנָה וָמַעְלָה אִם־זָכָר וְהָיָה עֶרְכְּךָ חֲמִשָּׁה עָשָׂר שָׁקֶל
ח וְלַנְּקֵבָה עֲשָׂרָה שְׁקָלִים׃ וְאִם־מָךְ הוּא מֵעֶרְכֶּךָ וְהֶעֱמִידוֹ
לִפְנֵי הַכֹּהֵן וְהֶעֱרִיךְ אֹתוֹ הַכֹּהֵן עַל־פִּי אֲשֶׁר תַּשִּׂיג יַד הַנֹּדֵר
ט יַעֲרִיכֶנּוּ הַכֹּהֵן׃ ס וְאִם־בְּהֵמָה אֲשֶׁר יַקְרִיבוּ מִמֶּנָּה
י קָרְבָּן לַיהוָה כֹּל אֲשֶׁר יִתֵּן מִמֶּנּוּ לַיהוָה יִהְיֶה־קֹּדֶשׁ׃ לֹא

---

כו, מב׳ מלא ו׳ מג׳ קמץ בז״ק כו, ט׳ סבירין ממנה

כז [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] רעד צו די קינדער פון ישׂראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַז אַ מאַן וועט קלאָר אַרויסרעדן אַ נדר פון נפשות צו גאָט, לויט דיין שאַצונג, [3] זאָל דיין שאַצונג זיין פאַר אַ זָכר פון צוואַנציק יאָר אַלט און ביז זעכציק יאָר אַלט—זאָל דיין שאַצונג זיין פופציק שֶקל זילבער, אויפן הייליקן שֶקל. [4] און אויב דאָס איז אַ נקבה, זאָל דיין שאַצונג זיין דרייסיק שֶקל. [5] און אויב פון פינף יאָר אַלט און ביז צוואַנציק יאָר אַלט, זאָל דיין שאַצונג זיין, אַ זָכר צוואַנציק שֶקל, און פאַר אַ נקבה צען שֶקל. [6] און אויב פון אַ חודש אַלט און ביז פינף יאָר אַלט, זאָל דיין שאַצונג זיין, אַ זָכר פינף שֶקל זילבער, און פאַר אַ נקבה זאָל דיין שאַצונג זיין דריי שֶקל זילבער. [7] און אויב פון זעכציק יאָר אַלט און העכער, אויב אַ זָכר, זאָל דיין שאַצונג זיין פופצן שֶקל, און פאַר אַ נקבה צען שֶקל. [8] און אויב ער איז צו אָרים פאַר דיין שאַצונג, זאָל מען אים שטעלן פאַרן כהן, און דער כהן זאָל אים אָפּשאַצן; לויט ווי עס פאַרמאָגט די האַנט פון דעם וואָס טוט דעם נדר, זאָל אים אָפּשאַצן דער כהן.

[9] און אויב דאָס איז אַ בהמה וואָס מע איז מקריב דערפון אַ קרבן צו גאָט, זאָל אַלץ וואָס ער גיט פון אַזעלכע צו גאָט, זיין הייליק. [10] ער טאָר עס ניט טוישן און טאָר דאָס ניט אומבייטן, בעסערס אויף

יחליפנו ולא ימיר אתו טוב ברע או רע בטוב ואם המר
ימיר בהמה בבהמה והיה הוא ותמורתו יהיה קדש:
ואם כל בהמה טמאה אשר לא יקריבו ממנה קרבן יא
ליהוה והעמיד את הבהמה לפני הכהן: והעריך הכהן יב
אתה בין טוב ובין רע כערכך הכהן כן יהיה: ואם יג
גאל יגאלנה ויסף חמישתו על ערכך: ואיש כי יקדש יד
את ביתו קדש ליהוה והעריכו הכהן בין טוב ובין רע
כאשר יעריך אתו הכהן כן יקום: ואם המקדיש יגאל טו
את ביתו ויסף חמישית כסף ערכך עליו והיה לו: ואם חמ׳ (שב׳)
משדה אחזתו יקדיש איש ליהוה והיה ערכך לפי זרעו
זרע חמר שערים בחמשים שקל כסף: אם משנת יז
היבל יקדיש שדהו כערכך יקום: ואם אחר היבל יח
יקדיש שדהו וחשב לו הכהן את הכסף על פי השנים
הנותרת עד שנת היבל ונגרע מערכך: ואם גאל יגאל יט
את השדה המקדיש אתו ויסף חמשית כסף ערכך עליו
וקם לו: ואם לא יגאל את השדה ואם מכר את השדה כ
לאיש אחר לא יגאל עוד: והיה השדה בצאתו ביבל כא
קדש ליהוה כשדה החרם לכהן תהיה אחזתו: ואם ששי
את שדה מקנתו אשר לא משדה אחזתו יקדיש ליהוה:
וחשב לו הכהן את מכסת הערכך עד שנת היבל ונתן כג
את הערכך ביום ההוא קדש ליהוה: בשנת היובל ישוב כד
השדה לאשר קנהו מאתו לאשר לו אחזת הארץ: וכל כה
ערכך יהיה בשקל הקדש עשרים גרה יהיה השקל:
אך בכור אשר יבכר ליהוה בבהמה לא יקדיש איש כו
אתו אם שור אם שה ליהוה הוא: ואם בבהמה הטמאה כז
ופדה בערכך ויסף חמשתו עליו ואם לא יגאל ונמכר
בערכך: אך כל חרם אשר יחרם איש ליהוה מכל כח

א׳ קמץ בטרחא

ערגערן, אָדער ערגערס אויף בעסערן; און אויב אומ־בייטן וועט ער אומבייטן אַ בהמה פאַר אַ בהמה, זאָל אי זי אי איר אומבייט זיין הייליק. [11] און אויב דאָס איז וואָסער עס איז אומריינע בהמה, וואָס מע איז דערפון ניט מקריב אַ קרבן צו גאָט, זאָל ער שטעלן די בהמה פאַרן כּהן. [12] און דער כּהן זאָל זי אָפּשאַצן, אויב זי איז גוט אָדער שלעכט; אַזוי ווי דו, דער כּהן, שאַצסט, אַזוי זאָל זיין. [13] און אויב אויסליזן וויל ער זי אויסליזן, זאָל ער צולייגן אַ פינפטל דערפון צו דיין שאַצונג.

[14] און אַז אַ מאַן וועט הייליקן זיין הויז הייליק צו גאָט, זאָל עס דער כּהן אָפּשאַצן, אויב עס איז גוט אָדער שלעכט; אַזוי ווי דער כּהן וועט עס אָפּשאַצן, אַזוי זאָל באַשטיין. [15] און אויב דער וואָס הייליקט עס וויל אויס־ליזן זיין הויז, זאָל ער צולייגן דערצו אַ פינפטל פון דעם געלט פון דיין שאַצונג, און עס זאָל בלייבן ביי אים.

[16] און אויב פון דעם פעלד פון זיין אייגנטום וועט אַ מאַן הייליקן צו גאָט, זאָל דיין שאַצונג זיין לויט דער זריעה דערפון: די זריעה פון אַ חוֹמר גערשטן אין פופציק שֶקל זילבער. [17] אויב ער וועט הייליקן זיין פעלד פון דעם יאָר פון יובל, זאָל עס באַשטיין לויט דיין שאַצונג. [18] און אויב ער וועט הייליקן זיין פעלד נאָכן יובל, זאָל אים דער כּהן באַרעכענען דאָס געלט לויט דער צאָל פון די יאָרן וואָס זיינען געבליבן ביז דעם יאָר פון יובל, און אַן אַראָפּרעכענונג זאָל געמאַכט ווערן פון דיין שאַצונג. [19] און אויב אויסליזן וויל אויסליזן דאָס פעלד דער וואָס הייליקט עס, זאָל ער צולייגן דערצו אַ פינפטל פון דעם געלט פון דיין שאַצונג, און עס זאָל זיך אָפּשטעלן ביי אים. [20] אויב אָבער ער וועט ניט אויסליזן דאָס פעלד, אָדער אויב מע האָט פאַרקויפט דאָס פעלד צו אַן אַנדער מענטשן, קען עס מער ניט אויסגעלייזט ווערן. [21] און דאָס פעלד, ווען עס גייט אַרויס אום יובל, זאָל זיין הייליק צו גאָט, אַזוי ווי אַ פעלד פון חרם; צום כּהן זאָל געהערן דאָס אייגנ־טום דערפון.

[22] און אויב ער וועט הייליקן צו גאָט זיינס אַ געקויפט פעלד, וואָס איז ניט פון דעם פעלד פון זיין אייגנטום, [23] זאָל אים דער כּהן באַרעכענען דעם באַטרעף פון דיין שאַצונג ביז דעם יאָר פון יובל, און ער זאָל געבן דיין שאַצונג אין דעם אייגענעם טאָג, הייליק צו גאָט. [24] אין יאָר פון יובל זאָל דאָס פעלד זיך אומקערן צו דעם וואָס ער האָט עס פון אים געקויפט, וואָס צו אים געהערט דאָס אייגנטום פון דעם לאַנד. [25] און דיין יעטוועדער שאַצונג זאָל זיין אויפן הייליקן שֶקל; צוואַנציק גֵרה זאָל זיין דער שֶקל.

[26] אָבער אַ בכור צווישן בהמות, וואָס געהערט דורך זיין בכורהשאַפט צו גאָט, אים דאַרף קיינער ניט הייליקן; סיי אַן אָקס, סיי אַ שעפּס, געהערט ער צו גאָט. [27] און אויב פון אַן אומריינער בהמה, זאָל מען אויסליזן לויט דיין שאַצונג, און צולייגן דערצו אַ פינפטל דערפון; און אויב ער וועט ניט אויסגעלייזט ווערן, זאָל ער פאַרקויפט ווערן לויט דיין שאַצונג.

[28] אָבער קיין חרם וואָס עמיצער וועט מאַכן חרם צו גאָט, פון אַלץ וואָס ער האָט, פון מענטשן,

אָדער פון בהמות, אָדער פון דעם פעלד פון זיין אייגנ־
טום, קען ניט פאַרקויפט ווערן, און ניט אויסגעלייזט ווערן;
איטלעכער חרם איז אַ הייליקסטע הייליקייט צו גאָט.
[29] קיין חרם וואָס וועט געמאַכט ווערן חרם פון מענטשן,
קען ניט אויסגעלייזט ווערן; טייטן מוז ער געטייט ווערן.
[30] און איטלעכער מעשׂר פון דער ערד, פון זאָמען
פון דער ערד, פון פרוכט פון בוים, געהערט צו גאָט;
הייליק צו גאָט. [31] און אויב אויסלייזן וויל אַ מאַן אויס־
לייזן טייל פון זיין מעשׂר, זאָל ער צולייגן דערצו אַ
פינפטל דערפון. [32] און איטלעכער מעשׂר פון רינדער
און שאָף—פון אַלץ וואָס גייט אונטער דער רוט, זאָל דער צענטער זיין הייליק צו גאָט. [33] מען זאָל ניט נאָכזוכן אויב
ער איז גוט אָדער שלעכט, און מע זאָל אים ניט אומבייטן; און אויב אומבייטן וועט מען אים אומבייטן, זאָל אי ער אי
זיין אומבייט זיין הייליק; ער קען ניט אויסגעלייזט ווערן.
[34] דאָס זיינען די געבאָט וואָס גאָט האָט געבאָטן משהן פאַר די קינדער פון ישׂראל אויפן באַרג סיני.

אֲשֶׁר־לוֹ מֵאָדָם וּבְהֵמָה וּמִשְּׂדֵה אֲחֻזָּתוֹ לֹא יִמָּכֵר וְלֹא
כט יִגָּאֵל כָּל־חֵרֶם קֹדֶשׁ־קָדָשִׁים הוּא לַיהוָה׃ כָּל־חֵרֶם אֲשֶׁר
ל יָחֳרַם מִן־הָאָדָם לֹא יִפָּדֶה מוֹת יוּמָת׃ וְכָל־מַעְשַׂר הָאָרֶץ
לא מִזֶּרַע הָאָרֶץ מִפְּרִי הָעֵץ לַיהוָה הוּא קֹדֶשׁ לַיהוָה׃ וְאִם־
מפ׳ גָּאֹל יִגְאַל אִישׁ מִמַּעַשְׂרוֹ חֲמִשִׁיתוֹ יֹסֵף עָלָיו׃ וְכָל־מַעְשַׂר
בָּקָר וָצֹאן כֹּל אֲשֶׁר־יַעֲבֹר תַּחַת הַשָּׁבֶט הָעֲשִׂירִי יִהְיֶה־
לג קֹּדֶשׁ לַיהוָה׃ לֹא יְבַקֵּר בֵּין־טוֹב לָרַע וְלֹא יְמִירֶנּוּ וְאִם־
הָמֵר יְמִירֶנּוּ וְהָיָה־הוּא וּתְמוּרָתוֹ יִהְיֶה־קֹּדֶשׁ לֹא יִגָּאֵל׃
לד אֵלֶּה הַמִּצְוֹת אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
בְּהַר סִינָי׃

# חזק

סכום פסוקי דספר ויקרא שמונה מאות וחמשים ותשעה. **נטף** סימן: וחציו והנגע בבשר הזב: ופרשיותיו עשרה. **בא גד** סימן: וסדריו **שלשה ועשרים**. וכתורתו יהגה יומם ולילה סימן: ופרקיו **שבעה ועשרים**. ואהיה עמך ואברכך סימן: מניין הפתוחות **שתים וחמשים**. והסתומות **ששה וארבעים**. הכל **שמנה ותשעים פרשיות**. דודי צח ואדום סימן:

# בְּמִדְבַּר

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בְּמִדְבַּר סִינַי בְּאֹהֶל מוֹעֵד בְּאֶחָד
לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם
ב לֵאמֹר׃ שְׂאוּ אֶת־רֹאשׁ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לְמִשְׁפְּחֹתָם
ג לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת כָּל־זָכָר לְגֻלְגְּלֹתָם׃ מִבֶּן
עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כָּל־יֹצֵא צָבָא בְּיִשְׂרָאֵל תִּפְקְדוּ אֹתָם
ד לְצִבְאֹתָם אַתָּה וְאַהֲרֹן׃ וְאִתְּכֶם יִהְיוּ אִישׁ אִישׁ לַמַּטֶּה
ה אִישׁ רֹאשׁ לְבֵית־אֲבֹתָיו הוּא׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת הָאֲנָשִׁים
ו אֲשֶׁר יַעַמְדוּ אִתְּכֶם לִרְאוּבֵן אֱלִיצוּר בֶּן־שְׁדֵיאוּר׃ לְשִׁמְעוֹן
ז שְׁלֻמִיאֵל בֶּן־צוּרִישַׁדָּי׃ לִיהוּדָה נַחְשׁוֹן בֶּן־עַמִּינָדָב׃
ח ט לְיִשָּׂשכָר נְתַנְאֵל בֶּן־צוּעָר׃ לִזְבוּלֻן אֱלִיאָב בֶּן־חֵלֹן׃
י לִבְנֵי יוֹסֵף לְאֶפְרַיִם אֱלִישָׁמָע בֶּן־עַמִּיהוּד לִמְנַשֶּׁה גַּמְלִיאֵל
יא יב בֶּן־פְּדָהצוּר׃ לְבִנְיָמִן אֲבִידָן בֶּן־גִּדְעֹנִי׃ לְדָן אֲחִיעֶזֶר בֶּן־
יג יד עַמִּישַׁדָּי׃ לְאָשֵׁר פַּגְעִיאֵל בֶּן־עָכְרָן׃ לְגָד אֶלְיָסָף בֶּן־
טו טז דְּעוּאֵל׃ לְנַפְתָּלִי אֲחִירַע בֶּן־עֵינָן׃ אֵלֶּה קְרִיאֵי הָעֵדָה
יז נְשִׂיאֵי מַטּוֹת אֲבוֹתָם רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל הֵם׃ וַיִּקַּח
מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֵת הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר נִקְּבוּ בְּשֵׁמוֹת׃
יח וְאֵת כָּל־הָעֵדָה הִקְהִילוּ בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי וַיִּתְיַלְדוּ
עַל־מִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת מִבֶּן עֶשְׂרִים
יט שָׁנָה וָמַעְלָה לְגֻלְגְּלֹתָם׃ כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה
שני וַיִּפְקְדֵם בְּמִדְבַּר סִינָי׃ ס וַיִּהְיוּ בְנֵי־רְאוּבֵן בְּכֹר

* ינוח די שיטין פסוות ויתחיל מתחלת שיטה ה׳ טז׳ קרואי ק

**א** 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן אין מדבר סיני, אין אוהל־מועד, אין ערשטן טאָג פון צווייטן חודש, אין צווייטן יאָר נאָך זייער אַרויסגיין פון לאַנד מִצרַיִם, אַזוי צו זאָגן:

2 נעמט אויף דעם מספר פון דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישראל לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פאָטערהייזער, נאָך דער צאָל פון נעמען, יעטוועדער מאַנספּאַרשוין, לויט זייערע קעפּ. 3 פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכן אין ישראל וואָס גייט אַרויס אין חיל, זאָלט איר זיי ציילן לויט זייערע מחנות, דו און אַהרן. 4 און מיט אַייך זאָלן זיין צו מאַן, צו מאַן פון אַ שבט, אַ מאַן וואָס איז דער הויפּט פון זיין פאָטערהויז. 5 און דאָס זיינען די נעמען פון די מענער וואָס זאָלן שטיין מיט אַייך: פון ראובן, אֶליצור דער זון פון שדֵיאורן. 6 פון שמעון, שלומיאֵל דער זון פון צורישַדַין. 7 פון יהודה, נַחשון דער זון פון עַמינָדָבן. 8 פון יִששָכָר, נתַנאֵל דער זון פון צוּעַרן. 9 פון זבולון, אֶליאָב דער זון פון חֵלונען. 10 פון די קינדער פון יוסף: פון אפרים, אֶלישָמָע דער זון פון עַמיהודן; פון מנשה, גַמליאֵל דער זון פון פּדָהצורן. 11 פון בנימין, אַבידָן דער זון פון גִדעונין. 12 פון דָן, אַחיעֶזֶר דער זון פון עַמישַדָין. 13 פון אָשר, פַּגעִיאֵל דער זון פון עָכרַנען. 14 פון גָד, אֶליָסָף דער זון פון דְעואֵלן. 15 פון נפתלי, אַחירַע דער זון פון עֵינָנען.

16 דידאָזיקע זיינען געווען גערופענע פון דער עדה, פירשטן פון זייערע פאָטערשטאַמען; די הויפּטלייט פון די טויזנטן פון ישראל זיינען זיי געווען. 17 און משה און אַהרן האָבן גענומען דידאָזיקע מענער וואָס זיינען אָנגערופן מיט די נעמען, 18 און זיי האָבן אַיינגעזאַמלט די גאַנצע עדה אין ערשטן טאָג פון צווייטן חודש; און זיי האָבן אָנגעגעבן זייער געבורט לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פאָטערהייזער, נאָך דער צאָל פון נעמען, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, לויט זייערע קעפּ. 19 אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן, האָט ער זיי געציילט אין מדבר סיני.

20 און די קינדער פון ראובן, ישראלס בכור, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פאָטערהייזער,

נאָך דער צאָל פון נעמען, לויט זייערע קעפּ, יעטוועדער מאַנספּאַרשוין פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[21] זייערע געציילטע, פון שבט ראובן, זיינען געווען זעקס און פערציק טויזנט און פינף הונדערט.

[22] פון די קינדער פון שמעון, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פּאַטערהייזער, זיינע געציילטע נאָך דער צאָל פון נעמען, לויט זייערע קעפּ, יעטוועדער מאַנספּאַרשוין פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[23] זייערע געציילטע, פון שבט שמעון, ניין און פופציק טויזנט און דריי הונדערט.

[24] פון די קינדער פון גָד, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פּאַטערהייזער, נאָך דער צאָל פון נעמען, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[25] זייערע געציילטע, פון שבט גָד, פינף און פערציק טויזנט און זעקס הונדערט און פופציק.

[26] פון די קינדער פון יהודה, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פּאַטערהייזער, נאָך דער צאָל פון נעמען, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[27] זייערע געציילטע, פון שבט יהודה, פיר און זיבעציק טויזנט און זעקס הונדערט.

יִשְׂרָאֵל תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר
שֵׁמוֹת לְגֻלְגְּלֹתָם כָּל־זָכָר מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כֹּל
כא יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם לְמַטֵּה רְאוּבֵן שִׁשָּׁה וְאַרְבָּעִים אֶלֶף
וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת׃ פ
כב לִבְנֵי שִׁמְעוֹן תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם פְּקֻדָיו
בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת לְגֻלְגְּלֹתָם כָּל־זָכָר מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה
כג וָמַעְלָה כֹּל יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם לְמַטֵּה שִׁמְעוֹן תִּשְׁעָה
וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת׃ פ
כד לִבְנֵי גָד תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת
כה מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כֹּל יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם לְמַטֵּה
גָד חֲמִשָּׁה וְאַרְבָּעִים אֶלֶף וְשֵׁשׁ מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים׃ פ
כו לִבְנֵי יְהוּדָה תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר
כז שֵׁמֹת מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כֹּל יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם
לְמַטֵּה יְהוּדָה אַרְבָּעָה וְשִׁבְעִים אֶלֶף וְשֵׁשׁ מֵאוֹת׃ פ
כח לִבְנֵי יִשָּׂשכָר תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר
כט שֵׁמֹת מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כֹּל יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם
לְמַטֵּה יִשָּׂשכָר אַרְבָּעָה וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע מֵאוֹת׃ פ
ל לִבְנֵי זְבוּלֻן תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר
לא שֵׁמֹת מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כֹּל יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם
לְמַטֵּה זְבוּלֻן שִׁבְעָה וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע מֵאוֹת׃ פ
לב לִבְנֵי יוֹסֵף לִבְנֵי אֶפְרַיִם תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית
אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר שֵׁמֹת מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כֹּל
לג יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם לְמַטֵּה אֶפְרָיִם אַרְבָּעִים אֶלֶף
וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת׃ פ
לד לִבְנֵי מְנַשֶּׁה תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר
לה שֵׁמוֹת מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כֹּל יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם
לְמַטֵּה מְנַשֶּׁה שְׁנַיִם וּשְׁלֹשִׁים אֶלֶף וּמָאתָיִם׃ פ
לו לִבְנֵי בִנְיָמִן תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר

[28] פון די קינדער פון יִשָׂשכָר, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פּאַטערהייזער, נאָך דער צאָל פון נעמען, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[29] זייערע געציילטע, פון שבט יִשָׂשכָר, פיר און פופציק טויזנט און פיר הונדערט.

[30] פון די קינדער פון זבולון, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פּאַטערהייזער, נאָך דער צאָל פון נעמען, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[31] זייערע געציילטע, פון שבט זבולון, זיבן און פופציק טויזנט און פיר הונדערט.

[32] פון די קינדער פון יוסף: פון די קינדער פון אפרים, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פּאַטערהייזער, נאָך דער צאָל פון נעמען, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[33] זייערע געציילטע, פון שבט אפרים, פערציק טויזנט און פינף הונדערט.

[34] פון די קינדער פון מנשה, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פּאַטערהייזער, נאָך דער צאָל פון נעמען, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[35] זייערע געציילטע, פון שבט מנשה, צוויי און דרייסיק טויזנט און צוויי הונדערט.

[36] פון די קינדער פון בנימין, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פּאַטערהייזער, נאָך דער צאָל פון

שְׁמֹת מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כֹּל יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם לז
לְמַטֵּה בִנְיָמִן חֲמִשָּׁה וּשְׁלֹשִׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע מֵאוֹת׃ פ
לִבְנֵי דָן תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר לח
שֵׁמֹת מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כֹּל יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם לט
לְמַטֵּה דָן שְׁנַיִם וְשִׁשִּׁים אֶלֶף וּשְׁבַע מֵאוֹת׃ פ
לִבְנֵי אָשֵׁר תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר מ
שֵׁמֹת מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כֹּל יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם מא
לְמַטֵּה אָשֵׁר אֶחָד וְאַרְבָּעִים אֶלֶף וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת׃ פ
בְּנֵי נַפְתָּלִי תּוֹלְדֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם בְּמִסְפַּר מב
שֵׁמֹת מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה כֹּל יֹצֵא צָבָא׃ פְּקֻדֵיהֶם מג
לְמַטֵּה נַפְתָּלִי שְׁלֹשָׁה וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע מֵאוֹת׃ פ
אֵלֶּה הַפְּקֻדִים אֲשֶׁר פָּקַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן וּנְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל מד
שְׁנֵים עָשָׂר אִישׁ אִישׁ־אֶחָד לְבֵית־אֲבֹתָיו הָיוּ׃ וַיִּהְיוּ כָּל־ מה
פְּקוּדֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לְבֵית אֲבֹתָם מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה
כָּל־יֹצֵא צָבָא בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיִּהְיוּ כָּל־הַפְּקֻדִים שֵׁשׁ־מֵאוֹת מו
אֶלֶף וּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים׃ וְהַלְוִיִּם מז
לְמַטֵּה אֲבֹתָם לֹא הָתְפָּקְדוּ בְּתוֹכָם׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ אַךְ אֶת־מַטֵּה לֵוִי לֹא תִפְקֹד מח מט
וְאֶת־רֹאשָׁם לֹא תִשָּׂא בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְאַתָּה הַפְקֵד נ
אֶת־הַלְוִיִּם עַל־מִשְׁכַּן הָעֵדֻת וְעַל כָּל־כֵּלָיו וְעַל כָּל־אֲשֶׁר־
לוֹ הֵמָּה יִשְׂאוּ אֶת־הַמִּשְׁכָּן וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְהֵם יְשָׁרְתֻהוּ
וְסָבִיב לַמִּשְׁכָּן יַחֲנוּ׃ וּבִנְסֹעַ הַמִּשְׁכָּן יוֹרִידוּ אֹתוֹ הַלְוִיִּם נא
וּבַחֲנֹת הַמִּשְׁכָּן יָקִימוּ אֹתוֹ הַלְוִיִּם וְהַזָּר הַקָּרֵב יוּמָת׃
וְחָנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ עַל־מַחֲנֵהוּ וְאִישׁ עַל־דִּגְלוֹ לְצִבְאֹתָם׃ נב
וְהַלְוִיִּם יַחֲנוּ סָבִיב לְמִשְׁכַּן הָעֵדֻת וְלֹא־יִהְיֶה קֶצֶף עַל־ נג
עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְשָׁמְרוּ הַלְוִיִּם אֶת־מִשְׁמֶרֶת מִשְׁכַּן
הָעֵדוּת׃ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־ נד
מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ׃ פ

נעמען, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[37] זייערע געציילטע, פון שבט בנימין, פינף און דרייסיק טויזנט און פיר הונדערט.

[38] פון די קינדער פון דָן, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פאָטערהייזער, נאָך דער צאָל פון נעמען, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[39] זייערע געציילטע, פון שבט דָן, צוויי און זעכציק טויזנט און זיבן הונדערט.

[40] פון די קינדער פון אָשר, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פאָטערהייזער, נאָך דער צאָל פון נעמען, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[41] זייערע געציילטע, פון שבט אָשר, איין און פערציק טויזנט און פינף הונדערט.

[42] די קינדער פון נפתלי, זייערע געבורטן לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פאָטערהייזער, נאָך דער צאָל פון נעמען, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל—[43] זייערע געציילטע, פון שבט נפתלי, דריי און פופציק טויזנט און פיר הונדערט.

[44] דאָס זיינען די געציילטע וואָס משה און אַהרן האָבן געציילט, און די פירשטן פון ישראל; צוועלף מאַן, צו איין מאַן פון זיין פאָטערהויז זיינען זיי געווען. [45] און אַלע געציילטע פון די קינדער פון ישראל לויט זייערע פאָטערהייזער, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, איטלעכער וואָס גייט אַרויס אין חיל אין ישראל, זיינען געווען— [46] אַלע געציילטע זיינען געווען זעקס מאָל הונדערט טויזנט און דריי טויזנט און פינף הונדערט און פופציק. [47] אָבער די לוִיִם לויט זייער פאָטערשטאַם זיינען ניט געציילט געוואָרן צווישן זיי.

[48] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [49] דעם שבט לֵוִי אָבער זאָלסטו ניט ציילן, און זייער צאָל זאָלסטו ניט אויפנעמען צווישן די קינדער פון ישראל. [50] נאָר דו שטעל די לוִיִם איבער דעם מִשכן פון געזעץ, און איבער אַלע זיינע כלים, און איבער אַלץ וואָס געהערט צו אים; זיי זאָלן טראָגן דעם מִשכן, און אַלע זיינע כלים, און זיי זאָלן אים באַדינען; און רונד אַרום דעם מִשכן זאָלן זיי לאַגערן. [51] און ביים ציִען פון מִשכן זאָלן אים די לוִיִם אַראָפּנעמען, און ביים רוען פון מִשכן זאָלן אים די לוִיִם אויפשטעלן, און דער פרעמדער וואָס גענענט זאָל געטייט ווערן. [52] און די קינדער פון ישראל זאָלן לאַגערן איטלעכער אין זיין לאַגער, און איטלעכער ביי זיין פאָן, לויט זייערע מחנות. [53] און די לוִיִם זאָלן לאַגערן רונד אַרום דעם מִשכן פון געזעץ, כּדי עס זאָל ניט זיין אַ צאָרן אויף דער עדה פון די קינדער פון ישראל. און די לוִיִם זאָלן היטן די היטונג פון דעם מִשכן פון געזעץ. [54] און די קינדער פון ישראל האָבן אַזוי געטאָן; אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן, אַזוי האָבן זיי געטאָן.

# ב

1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען,
אַזוי צו זאָגן:
2 איטלעכער בײַ זײַן פֿאָן, לויט די צייכנס פֿון
זייערע פֿאָטערהײַזער, זאָלן לאַגערן די קינדער פֿון
ישׂראל; אַקעגנאיבער רונד אַרום דעם אוהל־מועד זאָלן
זיי לאַגערן. 3 און די וואָס לאַגערן אין מזרח צו זונאויפֿ־
גאַנג זאָלן זײַן: די פֿאָן פֿון דעם לאַגער פֿון יהודה לויט
זייערע מחנות, מיט דעם פֿירשט פֿון די קינדער פֿון
יהודה, נַחשון דעם זון פֿון עַמינָדָבן, 4 און זײַן חיל—זייערע
געציילטע, פֿיר און זיבעציק טויזנט און זעקס הונדערט.
5 און די וואָס לאַגערן לעבן אים: שבט יִששָׂכָר, מיט דעם
פֿירשט פֿון די קינדער פֿון יִששָׂכָר, נתַנאֵל דעם זון פֿון
צוּעַרן, 6 און זײַן חיל—זײַנע געציילטע, פֿיר און פֿופֿציק
טויזנט און פֿיר הונדערט; 7 שבט זבולון, מיט דעם פֿירשט
פֿון די קינדער פֿון זבולון, אֶליאָב דעם זון פֿון חֵלונען,
8 און זײַן חיל—זײַנע געציילטע, זיבן און פֿופֿציק טויזנט
און פֿיר הונדערט. 9 אַלע געציילטע פֿון דעם לאַגער
פֿון יהודה: הונדערט און אַכציק טויזנט און זעקס טויזנט
און פֿיר הונדערט, לויט זייערע מחנות. זיי זאָלן ציען
צוערשט.

10 די פֿאָן פֿון דעם לאַגער פֿון ראובן זאָל זײַן צו
דָרום, לויט זייערע מחנות, מיט דעם פֿירשט פֿון די
קינדער פֿון ראובן, אֶליצור דעם זון פֿון שדֵיאורן, 11 און זײַן חיל—זײַנע געציילטע, זעקס און פֿערציק טויזנט און פֿינף
הונדערט. 12 און די וואָס לאַגערן לעבן אים: שבט שמעון, מיט דעם פֿירשט פֿון די קינדער פֿון שמעון, שלומיאֵל דעם
זון פֿון צורישַדַין, 13 און זײַן חיל—זייערע געציילטע, ניין און פֿופֿציק טויזנט און דרײַ הונדערט; 14 און שבט גָד, מיט
דעם פֿירשט פֿון די קינדער פֿון גָד, אֶליָסָף דעם זון פֿון רְעואֵלן, 15 און זײַן חיל—זייערע געציילטע, פֿינף און פֿערציק
טויזנט און זעקס הונדערט און פֿופֿציק.

16 אַלע געציילטע פֿון דעם לאַגער פֿון ראובן, הונדערט טויזנט און איין און פֿופֿציק טויזנט און פֿיר הונדערט און
פֿופֿציק, לויט זייערע מחנות. און זיי זאָלן ציען די צווייטע.

17 און דער אוהל־מועד, דער לאַגער פֿון די לוִיִים, זאָל ציען אין מיטן פֿון די לאַגערן; אַזוי ווי זיי רוען, אַזוי זאָלן
זיי ציען; איטלעכער אויף זײַן אָרט לויט זייערע פֿאָנעס.

18 די פֿאָן פֿון דעם לאַגער פֿון אפרים לויט זייער מחנות זאָל זײַן צו מערב, מיט דעם פֿירשט פֿון די קינדער פֿון
אפרים, אֶלישָמָע דעם זון פֿון עַמיהודן, 19 און זײַן חיל—זייערע געציילטע, פֿערציק טויזנט און פֿינף הונדערט. 20 און
לעבן אים שבט מנשה, מיט דעם פֿירשט פֿון די קינדער פֿון מנשה, גַמליאֵל דעם זון פֿון פְּדָהצורן, 21 און זײַן חיל— זייערע
געציילטע, צוויי און דרײַסיק טויזנט און צוויי הונדערט; 22 און שבט בנימין, מיט דעם פֿירשט פֿון די קינדער פֿון בנימין,

ב

שלי ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר׃ אִישׁ עַל־דִּגְלוֹ
בְאֹתֹת לְבֵית אֲבֹתָם יַחֲנוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִנֶּגֶד סָבִיב לְאֹהֶל־
ג מוֹעֵד יַחֲנוּ׃ וְהַחֹנִים קֵדְמָה מִזְרָחָה דֶּגֶל מַחֲנֵה יְהוּדָה
ד לְצִבְאֹתָם וְנָשִׂיא לִבְנֵי יְהוּדָה נַחְשׁוֹן בֶּן־עַמִּינָדָב׃ וּצְבָאוֹ
ה וּפְקֻדֵיהֶם אַרְבָּעָה וְשִׁבְעִים אֶלֶף וְשֵׁשׁ מֵאוֹת׃ וְהַחֹנִים
עָלָיו מַטֵּה יִשָּׂשכָר וְנָשִׂיא לִבְנֵי יִשָּׂשכָר נְתַנְאֵל בֶּן־צוּעָר׃
ו וּצְבָאוֹ וּפְקֻדָיו אַרְבָּעָה וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע מֵאוֹת׃
ז ח מַטֵּה זְבוּלֻן וְנָשִׂיא לִבְנֵי זְבוּלֻן אֱלִיאָב בֶּן־חֵלֹן׃ וּצְבָאוֹ
ט וּפְקֻדָיו שִׁבְעָה וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע מֵאוֹת׃ כָּל־
הַפְּקֻדִים לְמַחֲנֵה יְהוּדָה מְאַת אֶלֶף וּשְׁמֹנִים אֶלֶף וְשֵׁשֶׁת־
י אֲלָפִים וְאַרְבַּע־מֵאוֹת לְצִבְאֹתָם רִאשֹׁנָה יִסָּעוּ׃ ס דֶּגֶל
מַחֲנֵה רְאוּבֵן תֵּימָנָה לְצִבְאֹתָם וְנָשִׂיא לִבְנֵי רְאוּבֵן אֱלִיצוּר
יא בֶּן־שְׁדֵיאוּר׃ וּצְבָאוֹ וּפְקֻדָיו שִׁשָּׁה וְאַרְבָּעִים אֶלֶף וַחֲמֵשׁ
יב מֵאוֹת׃ וְהַחוֹנִם עָלָיו מַטֵּה שִׁמְעוֹן וְנָשִׂיא לִבְנֵי שִׁמְעוֹן
יג שְׁלֻמִיאֵל בֶּן־צוּרִישַׁדָּי׃ וּצְבָאוֹ וּפְקֻדֵיהֶם תִּשְׁעָה וַחֲמִשִּׁים
יד אֶלֶף וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת׃ וּמַטֵּה גָּד וְנָשִׂיא לִבְנֵי גָד אֶלְיָסָף
טו בֶּן־רְעוּאֵל׃ וּצְבָאוֹ וּפְקֻדֵיהֶם חֲמִשָּׁה וְאַרְבָּעִים אֶלֶף
טז וְשֵׁשׁ מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים׃ כָּל־הַפְּקֻדִים לְמַחֲנֵה רְאוּבֵן מְאַת
אֶלֶף וְאֶחָד וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע־מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים לְצִבְאֹתָם
יז וּשְׁנִיִּם יִסָּעוּ׃ ס וְנָסַע אֹהֶל־מוֹעֵד מַחֲנֵה הַלְוִיִּם בְּתוֹךְ
הַמַּחֲנֹת כַּאֲשֶׁר יַחֲנוּ כֵּן יִסָּעוּ אִישׁ עַל־יָדוֹ לְדִגְלֵיהֶם׃ ס
יח דֶּגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם לְצִבְאֹתָם יָמָּה וְנָשִׂיא לִבְנֵי אֶפְרַיִם
יט אֱלִישָׁמָע בֶּן־עַמִּיהוּד׃ וּצְבָאוֹ וּפְקֻדֵיהֶם אַרְבָּעִים אֶלֶף
כ וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת׃ וְעָלָיו מַטֵּה מְנַשֶּׁה וְנָשִׂיא לִבְנֵי מְנַשֶּׁה
כא גַּמְלִיאֵל בֶּן־פְּדָהצוּר׃ וּצְבָאוֹ וּפְקֻדֵיהֶם שְׁנַיִם וּשְׁלֹשִׁים
כב אֶלֶף וּמָאתָיִם׃ וּמַטֵּה בִּנְיָמִן וְנָשִׂיא לִבְנֵי בִנְיָמִן אֲבִידָן

י״א קמץ בז״ק

כג בֶּן־גִּדְעֹנִי׃ וּצְבָאוֹ וּפְקֻדֵיהֶם חֲמִשָּׁה וּשְׁלֹשִׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע
כד מֵאוֹת׃ כָּל־הַפְּקֻדִים לְמַחֲנֵה אֶפְרַיִם מְאַת אֶלֶף וּשְׁמֹנַת־
כה אֲלָפִים וּמֵאָה לְצִבְאֹתָם וּשְׁלִשִׁים יִסָּעוּ׃ ס דֶּגֶל
מַחֲנֵה דָן צָפֹנָה לְצִבְאֹתָם וְנָשִׂיא לִבְנֵי דָן אֲחִיעֶזֶר בֶּן־
כו עַמִּישַׁדָּי׃ וּצְבָאוֹ וּפְקֻדֵיהֶם שְׁנַיִם וְשִׁשִּׁים אֶלֶף וּשְׁבַע
כז מֵאוֹת׃ וְהַחֹנִים עָלָיו מַטֵּה אָשֵׁר וְנָשִׂיא לִבְנֵי אָשֵׁר
כח פַּגְעִיאֵל בֶּן־עָכְרָן׃ וּצְבָאוֹ וּפְקֻדֵיהֶם אֶחָד וְאַרְבָּעִים אֶלֶף
כט וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת׃ וּמַטֵּה נַפְתָּלִי וְנָשִׂיא לִבְנֵי נַפְתָּלִי אֲחִירַע
ל בֶּן־עֵינָן׃ וּצְבָאוֹ וּפְקֻדֵיהֶם שְׁלֹשָׁה וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע
לא מֵאוֹת׃ כָּל־הַפְּקֻדִים לְמַחֲנֵה דָן מְאַת אֶלֶף וְשִׁבְעָה
וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף וְשֵׁשׁ מֵאוֹת לָאַחֲרֹנָה יִסְעוּ לְדִגְלֵיהֶם׃ פ
לב אֵלֶּה פְּקוּדֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לְבֵית אֲבֹתָם כָּל־פְּקוּדֵי הַמַּחֲנֹת
לְצִבְאֹתָם שֵׁשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף וּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת
לג וַחֲמִשִּׁים׃ וְהַלְוִיִּם לֹא הָתְפָּקְדוּ בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר
לד צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וַיַּעֲשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה
יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה כֵּן־חָנוּ לְדִגְלֵיהֶם וְכֵן נָסָעוּ אִישׁ לְמִשְׁפְּחֹתָיו
עַל־בֵּית אֲבֹתָיו׃ פ

ג

רב׳ וְאֵלֶּה תּוֹלְדֹת אַהֲרֹן וּמֹשֶׁה בְּיוֹם דִּבֶּר יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה
ב בְּהַר סִינָי׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי־אַהֲרֹן הַבְּכֹר ׀ נָדָב וַאֲבִיהוּא
ג אֶלְעָזָר וְאִיתָמָר׃ אֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים
ד הַמְּשֻׁחִים אֲשֶׁר־מִלֵּא יָדָם לְכַהֵן׃ וַיָּמָת נָדָב וַאֲבִיהוּא
לִפְנֵי יְהוָה בְּהַקְרִבָם אֵשׁ זָרָה לִפְנֵי יְהוָה בְּמִדְבַּר סִינַי
וּבָנִים לֹא־הָיוּ לָהֶם וַיְכַהֵן אֶלְעָזָר וְאִיתָמָר עַל־פְּנֵי אַהֲרֹן
אֲבִיהֶם׃ פ
ה ו וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ הַקְרֵב אֶת־מַטֵּה לֵוִי
ז וְהַעֲמַדְתָּ אֹתוֹ לִפְנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וְשֵׁרְתוּ אֹתוֹ׃ וְשָׁמְרוּ

ב, לד׳ קמץ בז״ק

אַבִידָן דעם זון פון גִדעוֹנִין, [23] און זיין חיל־זייערע געציילטע, פינף און דרייסיק טויזנט און פיר הונדערט. [24] אַלע געציילטע פון דעם לאַגער פון אפרים, הונדערט טויזנט און אַכט טויזנט און הונדערט, לויט זייערע מחנות. און זיי זאָלן ציען די דריטע.

[25] די פאָן פון דעם לאַגער פון דָן זאָל זיין צו צפון, לויט זייערע מחנות, מיט דעם פירשט פון די קינדער פון דָן, אַחיעֶזֶר דעם זון פון עַמישַדָין, [26] און זיין חיל־זייערע געציילטע, צוויי און זעכציק טויזנט און זיבן הונדערט. [27] און די וואָס לאַגערן לעבן אים: שבט אָשר, מיט דעם פירשט פון די קינדער פון אָשר, פַּגעִיאֵל דעם זון פון עָכרָנען, [28] און זיין חיל־זייערע געציילטע, איין און פערציק טויזנט און פינף הונדערט; [29] און שבט נפתלי, מיט דעם פירשט פון די קינדער פון נפתלי, אַחירַע דעם זון פון עֵינָנען, [30] און זיין חיל־זייערע געציילטע, דריי און פופציק טויזנט און פיר הונדערט. [31] אַלע געציילטע פון דעם לאַגער פון דָן, הונדערט טויזנט און זיבן און פופציק טויזנט און זעקס הונדערט. זיי זאָלן ציען צולעצט לויט זייערע פאָנעס.

[32] דאָס זיינען די געציילטע פון די קינדער פון ישראל, לויט זייערע פאָטערהייזער; אַלע געציילטע פון די לאַגערן, לויט זייערע מחנות, זיינען געווען זעקס מאָל הונדערט טויזנט און דריי טויזנט און פינף הונדערט און פופציק. [33] אָבער די לוִיִם זיינען ניט געציילט געוואָרן צווישן די קינדער פון ישראל; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[34] און די קינדער פון ישראל האָבן געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן; אַזוי האָבן זיי גערוט לויט זייערע פאָנעס, און אַזוי האָבן זיי געצויגן, איטלעכער לויט זיינע משפחות, ביי זיין פאָטערהויז.

ג [1] און דאָס זיינען די געבורטן פון אַהרֹנען און פון משהן, ווען גאָט האָט גערעדט מיט משהן אויפן באַרג סינַי. [2] און דאָס זיינען די נעמען פון אַהרֹנס זין: דער בכוֹר נָדָב, און אַביהוא, אֶלעָזָר, און איתָמָר. [3] דאָס זיינען די נעמען פון אַהרֹנס זין, די געזאַלבטע כֹּהנים וואָס מע האָט דערפילט זייער האַנט צו טאָן די כהונה. [4] און נָדָב און אַביהוא זיינען געשטאָרבן פאַר גאָט ווען זיי האָבן געבראַכט פרעמד פייער פאַר גאָט, אין מדבר סינַי, און קיין קינדער האָבן זיי ניט געהאַט; און אֶלעָזָר און איתָמָר זיינען געוואָרן כֹּהנים לעבן זייער פאָטער אַהרֹנען.

[5] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [6] מאַך גענענען דעם שבט לֵוִי, און זאָלסט אים שטעלן פאַר אַהרֹן דעם כֹּהן, און זיי זאָלן אים באַדינען. [7] און זיי זאָלן היטן זיין היטונג און די היטונג פון דער גאַנצער עדה פאַרן

את־משמרתו ואת־משמרת כל־העדה לפני אהל מועד
ח לעבד את־עבדת המשכן׃ ושמרו את־כל־כלי אהל
מועד ואת־משמרת בני ישראל לעבד את־עבדת המשכן׃
ט ונתתה את־הלוים לאהרן ולבניו נתונם נתונם המה
י לו מאת בני ישראל׃ ואת־אהרן ואת־בניו תפקד ושמרו
את־כהנתם והזר הקרב יומת׃ פ
יא יב וידבר יהוה אל־משה לאמר׃ ואני הנה לקחתי את־
הלוים מתוך בני ישראל תחת כל־בכור פטר רחם מבני
יג ישראל והיו לי הלוים׃ כי לי כל־בכור ביום הכתי כל־
בכור בארץ מצרים הקדשתי לי כל־בכור בישראל
מאדם עד־בהמה לי יהיו אני יהוה׃ פ
חמ' יד וידבר יהוה אל־משה במדבר סיני לאמר׃ פקד את־
טו בני לוי לבית אבתם למשפחתם כל־זכר מבן־חדש
טז ומעלה תפקדם׃ ויפקד אתם משה על־פי יהוה
יז כאשר צוה׃ ויהיו־אלה בני־לוי בשמתם גרשון וקהת
יח ומררי׃ ואלה שמות בני־גרשון למשפחתם לבני
יט ושמעי׃ ובני קהת למשפחתם עמרם ויצהר חברון
כ ועזיאל׃ ובני מררי למשפחתם מחלי ומושי אלה הם
כא משפחת הלוי לבית אבתם׃ לגרשון משפחת הלבני
כב ומשפחת השמעי אלה הם משפחת הגרשני׃ פקדיהם
במספר כל־זכר מבן־חדש ומעלה פקדיהם שבעת
כג אלפים וחמש מאות׃ משפחת הגרשני אחרי המשכן
כד יחנו ימה׃ ונשיא בית־אב לגרשני אליסף בן־לאל׃
כה ומשמרת בני־גרשון באהל מועד המשכן והאהל מכסהו
כו ומסך פתח אהל מועד׃ וקלעי החצר ואת־מסך פתח
החצר אשר על־המשכן ועל־המזבח סביב ואת מיתריו
כז לכל עבדתו׃ ס ולקהת משפחת העמרמי ומשפחת
היצהרי ומשפחת החברני ומשפחת העזיאלי אלה הם

אוהל־מועד, צו דינען דעם דינסט פון משכּן. [8] און זיי זאָלן היטן אַלע כּלים פון אוהל־מועד, און די היטונג פון די קינדער פון ישׂראל, צו דינען דעם דינסט פון משכּן. [9] און זאָלסט געבן די לוִיִים צו אַהרנען און צו זיינע זין; אָפּגעגעבן זיינען זיי אָפּגעגעבן צו אים פון די קינדער פון ישׂראל. [10] און אַהרנען און זיינע זין זאָלסטו באַפעלן, זיי זאָלן היטן זייער כּהונה, און דער פרעמדער וואָס גענענט זאָל געטייט ווערן.

[11] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [12] און איך, זע, האָב גענומען די לוִיִים פון צווישן די קינדער פון ישׂראל אָנשטאָט איטלעכן בּכור וואָס עפנט דעם טראַכט צווישן די קינדער פון ישׂראל; און די לוִיִים זאָלן געהערן צו מיר. [13] וואָרום צו מיר געהערט איטלעכער בּכור; אין דעם טאָג וואָס איך האָב דערשלאָגן איטלעכן בּכור אין לאַנד מִצרַיִם האָב איך געהייליקט צו מיר איטלעכן בּכור אין ישׂראל, פון אַ מענטשן ביז אַ בהמה. צו מיר זאָלן זיי געהערן: איך בין יהוה.

[14] און גאָט האָט גערעדט צו משהן אין מדבר סיני, אַזוי צו זאָגן: [15] צייל די קינדער פון לֵוִי לויט זייערע פאָטערהייזער, לויט זייערע משפּחות; איטלעכן מאַנספּאַרשוין פון אַ חודש אַלט און העכער זאָלסטו זיי ציילן.

[16] און משה האָט זיי געציילט לויט דעם מויל פון גאָט, אַזוי ווי ער איז באַפוילן געוואָרן. [17] און דאָס זיינען געווען די זין פון לֵוִין מיט זייערע נעמען: גֵרשון, און קהָת, און מְרָרי. [18] און דאָס זיינען די נעמען פון די זין פון גֵרשונען לויט זייערע משפּחות: לִבני, און שִמעִי. [19] און די זין פון קהָתן לויט זייערע משפּחות: עַמרָם, און יִצהָר, חֶברון, און עוזיאל. [20] און די זין פון מְרָרין לויט זייערע משפּחות: מַחלי, און מושי. דאָס זיינען די משפּחות פון לֵוִי לויט זייערע פאָטערהייזער.

[21] פון גֵרשונען די משפּחה פון די לִבנים, און די משפּחה פון די שִמעִים; דאָס זיינען די משפּחות פון די גֵרשונים. [22] זייערע געציילטע לויט דער צאָל פון אַלע מאַנספּאַרשוינען פון אַ חודש אַלט און העכער—זייערע געציילטע זיינען געווען זיבן טויזנט און פינף הונדערט. [23] די משפּחות פון די גֵרשונים האָבן געלאַגערט הינטער דעם מִשכּן צו מערב. [24] און דער פירשט פון דעם פאָטערהויז פון די גֵרשונים איז געווען אֶליָסף דער זון פון לָאֵלן. [25] און די היטונג פון די קינדער פון גֵרשון ביים אוהל־מועד איז געווען דער מִשכּן, און דאָס געצעלט, זיין צודעק, און דער טירפאָרהאַנג פון אוהל־מועד, [26] און די אַרומהאַנגען פון דעם הויף, און דער טירפאָרהאַנג פון דעם הויף וואָס רונד אַרום דעם מִשכּן און דעם מזבח, און זיינע שטריק, מיט אַלע זיינע צובאַהער.

[27] און פון קהָתן די משפּחה פון די עַמרָמים, און די משפּחה פון די יִצהָרים, און די משפּחה פון די חֶברונים, און די

מִשְׁפְּחֹת הַקְּהָתִי׃ בְּמִסְפַּר כָּל־זָכָר מִבֶּן־חֹדֶשׁ וָמָעְלָה כח
שְׁמֹנַת אֲלָפִים וְשֵׁשׁ מֵאוֹת שֹׁמְרֵי מִשְׁמֶרֶת הַקֹּדֶשׁ׃
מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי־קְהָת יַחֲנוּ עַל יֶרֶךְ הַמִּשְׁכָּן תֵּימָנָה׃ וּנְשִׂיא כט ל
בֵית־אָב לְמִשְׁפְּחֹת הַקְּהָתִי אֱלִיצָפָן בֶּן־עֻזִּיאֵל׃ וּמִשְׁמַרְתָּם לא
הָאָרֹן וְהַשֻּׁלְחָן וְהַמְּנֹרָה וְהַמִּזְבְּחֹת וּכְלֵי הַקֹּדֶשׁ אֲשֶׁר
יְשָׁרְתוּ בָּהֶם וְהַמָּסָךְ וְכֹל עֲבֹדָתוֹ׃ וּנְשִׂיא נְשִׂיאֵי הַלֵּוִי לב
אֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן פְּקֻדַּת שֹׁמְרֵי מִשְׁמֶרֶת הַקֹּדֶשׁ׃
לִמְרָרִי מִשְׁפַּחַת הַמַּחְלִי וּמִשְׁפַּחַת הַמּוּשִׁי אֵלֶּה הֵם לג
מִשְׁפְּחֹת מְרָרִי׃ וּפְקֻדֵיהֶם בְּמִסְפַּר כָּל־זָכָר מִבֶּן־חֹדֶשׁ לד
וָמָעְלָה שֵׁשֶׁת אֲלָפִים וּמָאתָיִם׃ וּנְשִׂיא בֵית־אָב לְמִשְׁפְּחֹת לה
מְרָרִי צוּרִיאֵל בֶּן־אֲבִיחָיִל עַל יֶרֶךְ הַמִּשְׁכָּן יַחֲנוּ צָפֹנָה׃
וּפְקֻדַּת מִשְׁמֶרֶת בְּנֵי מְרָרִי קַרְשֵׁי הַמִּשְׁכָּן וּבְרִיחָיו לו
וְעַמֻּדָיו וַאֲדָנָיו וְכָל־כֵּלָיו וְכֹל עֲבֹדָתוֹ׃ וְעַמֻּדֵי הֶחָצֵר לז
סָבִיב וְאַדְנֵיהֶם וִיתֵדֹתָם וּמֵיתְרֵיהֶם׃ וְהַחֹנִים לִפְנֵי הַמִּשְׁכָּן לח
קֵדְמָה לִפְנֵי אֹהֶל־מוֹעֵד ׀ מִזְרָחָה מֹשֶׁה ׀ וְאַהֲרֹן וּבָנָיו
שֹׁמְרִים מִשְׁמֶרֶת הַמִּקְדָּשׁ לְמִשְׁמֶרֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהַזָּר
הַקָּרֵב יוּמָת׃ כָּל־פְּקוּדֵי הַלְוִיִּם אֲשֶׁר פָּקַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן לט
עַל־פִּי יְהוָה לְמִשְׁפְּחֹתָם כָּל־זָכָר מִבֶּן־חֹדֶשׁ וָמָעְלָה
שְׁנַיִם וְעֶשְׂרִים אָלֶף׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה פְּקֹד ששי
כָּל־בְּכֹר זָכָר לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל מִבֶּן־חֹדֶשׁ וָמָעְלָה וְשָׂא אֵת
מִסְפַּר שְׁמֹתָם׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־הַלְוִיִּם לִי אֲנִי יְהוָה תַּחַת כָּל־ מא
בְּכֹר בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל וְאֵת בֶּהֱמַת הַלְוִיִּם תַּחַת כָּל־בְּכוֹר
בְּבֶהֱמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּפְקֹד מֹשֶׁה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה מב
אֹתוֹ אֶת־כָּל־בְּכוֹר בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי כָל־בְּכוֹר זָכָר מג
בְּמִסְפַּר שֵׁמֹת מִבֶּן־חֹדֶשׁ וָמַעְלָה לִפְקֻדֵיהֶם שְׁנַיִם וְעֶשְׂרִים
אֶלֶף שְׁלֹשָׁה וְשִׁבְעִים וּמָאתָיִם׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ קַח אֶת־הַלְוִיִּם תַּחַת כָּל־ מד מה

לט׳ נקוד על ואהרן

משפחה פון די עוזיאֵלים; דאָס זיינען די משפחות פון די קהָתים: 28 לויט דער צאָל פון אַלע מאַנספּאַרשוינען פון אַ חודש אַלט און העכער, אַכט טויזנט און זעקס הונדערט וואָס היטן די היטונג פון הייליקטום. 29 די משפחות פון די קינדער פון קהָת האָבן געלאַגערט ביי'ן זייט פון מִשכּן, צו דָרום. 30 און דער פירשט פון דעם פאָטערהויז פון די משפחות פון די קהָתים איז געווען אֶליצָפָן דער זון פון עוזיאֵלן. 31 און זייער היטונג איז געווען דער אָרון, און דער טיש, און די מנורה, און די מזבחות, און די הייליקע כלים וואָס מע דינט מיט זיי, און דער פאָרהאַנג, און אַלע זיינע צובאַהער.

32 און דער פירשט איבער די פירשטן פון די לוִיִים איז געווען אֶלעָזָר דער זון פון אַהרן דעם כּהן, דער אויפזעער איבער די וואָס היטן די היטונג פון דעם הייליקטום.

33 פון מְרָרין די משפחה פון די מַחלים, און די משפחה פון די מושים; דאָס זיינען די משפחות פון מְרָרי. 34 און זייערע געציילטע לויט דער צאָל פון אַלע מאַנספּאַרשוינען פון אַ חודש אַלט און העכער זיינען געווען זעקס טויזנט און צוויי הונדערט. 35 און דער פירשט פון דעם פאָטערהויז פון די משפחות פון מְרָרי איז געווען צוריאֵל דער זון פון אַביחַיִלן. זיי האָבן געלאַגערט ביי'ן זייט פון מִשכּן צו צפון. 36 און די געשטעלטע היטונג פון די קינדער פון מְרָרי איז געווען: די ברעטער פון מִשכּן, און זיינע ריגלען, און זיינע זיילן, און זיינע שוועלן, און אַלע זיינע כלים, און אַלע זיינע צובאַהער; 37 און די זיילן פון הויף רונד אַרום, און זייערע שוועלן, און זייערע פלעקלעך, און זייערע שטריק.

38 און די וואָס האָבן געלאַגערט פאַר דעם מִשכּן צו מִזרח, פאַר דעם אוהל־מועד צו זונאויפגאַנג, זיינען געווען משה, און אַהרן און זיינע זין, וואָס האָבן געהיט די היטונג פון הייליקטום, פאַר דער היטונג פון די קינדער פון ישראל; און דער פרעמדער וואָס גענענט, האָט געזאָלט געטייט ווערן.

39 אַלע געציילטע פון די לוִיִים, וואָס משה און אַהרן האָבן געציילט לויט דעם מויל פון גאָט, נאָך זייערע משפחות, אַלע מאַנספּאַרשוינען פון אַ חודש אַלט און העכער, צוויי און צוואַנציק טויזנט.

40 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: צייל אַלע ערשטגעבאָרענע מאַנספּאַרשוינען פון די קינדער פון ישראל פון אַ חודש אַלט און העכער, און נעם אויף די צאָל פון זייערע נעמען. 41 און זאָלסט נעמען פאַר מיר, גאָט, די לוִיִים אָנשטאָט אַלע בכורים צווישן די קינדער פון ישראל, און די בהמות פון די לוִיִים אָנשטאָט אַלע בכורים צווישן די בהמות פון די קינדער פון ישראל.

42 און משה האָט איבערגעציילט, אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן, אַלע בכורים צווישן די קינדער פון ישראל. 43 און אַלע ערשטגעבאָרענע מאַנספּאַרשוינען, לויט דער צאָל פון נעמען, פון אַ חודש אַלט און העכער, נאָך זייערע געציילטע, זיינען געווען צוויי און צוואַנציק טויזנט און צוויי הונדערט און דריי און זיבעציק.

44 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 45 נעם די לוִיִים אָנשטאָט אַלע בכורים צווישן די קינדער

פון ישראל, און די בהמות פון די לוִיִים אָנשטאָט זייערע בהמות, און די לוִיִים זאָלן געהערן צו מיר, גאָט. 46 און צום אויסלייז פאַר די צוויי הונדערט און דריי און זיבעציק פון די בכורים פון די קינדער פון ישראל וואָס קומען אויס מער פון די לוִיִים, 47 זאָלסטו נעמען צו פינף, צו פינף שֶקל פון אַ קאָפּ; אויפן הייליקן שֶקל זאָלסטו עס נעמען, צוואַנציק גֵרה דער שֶקל. 48 און זאָלסט געבן דאָס געלט צו אַהרנען און צו זיינע זין: דעם אויסלייז פאַר די וואָס קומען אויס מער צווישן זיי.

49 האָט משה גענומען דאָס אויסלייזגעלט פון די וואָס זיינען אויסגעקומען מער ווי די וואָס זיינען אויס־געלייזט געוואָרן דורך די לוִיִים; 50 פון די בכורים פון די קינדער פון ישראל האָט ער גענומען דאָס געלט: טויזנט און דריי הונדערט און פינף און זעכציק, אויפן הייליקן שֶקל. 51 און משה האָט געגעבן דאָס אויסלייזגעלט צו אַהרנען און צו זיינע זין, לויט דעם מויל פון גאָט, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

ד 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן: 2 נעם אויף די צאָל פון די קינדער פון קְהָת פון צווישן די קינדער פון לֵוִי, לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פאָטערהייזער, 3 פון דרייסיק יאָר אַלט און העכער, און ביז פופציק יאָר אַלט, איטלעכן וואָס גייט אַריין אין דינסט, צו טאָן אַרבעט אין אוהל־מועד. 4 דאָס איז דער דינסט פון די קינדער פון קְהָת אין אוהל־מועד אַרום די הייליקסטע הייליקייטן: 5 אַהרן און זיינע זין זאָלן קומען ביים ציען פון לאַגער, און זיי זאָלן אַראָפּנעמען דעם פָּרוֹכֶת פון צווישנשייד, און צודעקן דערמיט דעם אָרון פון געזעץ. 6 און זיי זאָלן אַרויפטאָן דערויף אַ צודעק פון תַּחַש־פעל, און אַריבערשפּרייטן פון אויבן אַ טוך פון לויטער בלאָער וואָל, און אַריינטאָן זיינע שטאַנגען. 7 און אויף דעם טיש פון אָנגעזיכט זאָלן זיי פאַרשפּרייטן אַ טוך פון בלאָער וואָל, און אַרויפטאָן דערויף די שיסלען, און די שאָלן, און די קאַנען, און די בעכערס פאַר גיסונג; און דאָס שטענדיקע ברויט זאָל בלייבן דערויף. 8 און זיי זאָלן פאַרשפּרייטן אויף זיי אַ טוך פון ווערמילרויט, און דאָס אַריבערדעקן מיט אַ צודעק פון תַּחַש־פעל, און אַריינטאָן זיינע שטאַנגען. 9 און זיי זאָלן נעמען אַ טוך פון בלאָער וואָל, און אַריבערדעקן די מנורה פאַר לייכטונג, און אירע רערלעך, און אירע צווענגלעך, און אירע אַשפּענדלעך, און אַלע אירע אייל־געפעסן וואָס מע באַדינט זי מיט זיי. 10 און זיי זאָלן אַריינטאָן זי און אַלע אירע כּלים אין אַ צודעק פון תַּחַש־פעל, און אַרויפטאָן אויף אַ שטאַנג. 11 און אויף דעם גילדערנעם מזבח זאָלן זיי פאַרשפּרייטן אַ טוך פון בלאָער וואָל, און אים אַריבערדעקן מיט אַ צודעק פון תַּחַש־פעל, און

בְּכוֹר בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל וְאֶת־בֶּהֱמַת הַלְוִיִּם תַּחַת בְּהֶמְתָּם
מו וְהָיוּ־לִי הַלְוִיִּם אֲנִי יְהוָה׃ וְאֵת פְּדוּיֵי הַשְּׁלֹשָׁה וְהַשִּׁבְעִים
מז וְהַמָּאתָיִם הָעֹדְפִים עַל־הַלְוִיִּם מִבְּכוֹר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְלָקַחְתָּ
חֲמֵשֶׁת חֲמֵשֶׁת שְׁקָלִים לַגֻּלְגֹּלֶת בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ תִּקָּח
מח עֶשְׂרִים גֵּרָה הַשָּׁקֶל׃ וְנָתַתָּה הַכֶּסֶף לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו פְּדוּיֵי
מט הָעֹדְפִים בָּהֶם׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֵת כֶּסֶף הַפִּדְיוֹם מֵאֵת
נ הָעֹדְפִים עַל פְּדוּיֵי הַלְוִיִּם׃ מֵאֵת בְּכוֹר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לָקַח
אֶת־הַכָּסֶף חֲמִשָּׁה וְשִׁשִּׁים וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת וָאֶלֶף בְּשֶׁקֶל
נא הַקֹּדֶשׁ׃ וַיִּתֵּן מֹשֶׁה אֶת־כֶּסֶף הַפְּדֻיִם לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו עַל־
פִּי יְהוָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ

ד

שב' ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר׃ נָשֹׂא אֶת־רֹאשׁ
ג בְּנֵי קְהָת מִתּוֹךְ בְּנֵי לֵוִי לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם׃ מִבֶּן
שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וָמַעְלָה וְעַד בֶּן־חֲמִשִּׁים שָׁנָה כָּל־בָּא לַצָּבָא
ד לַעֲשׂוֹת מְלָאכָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד׃ זֹאת עֲבֹדַת בְּנֵי־קְהָת
ה בְּאֹהֶל מוֹעֵד קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים׃ וּבָא אַהֲרֹן וּבָנָיו בִּנְסֹעַ
הַמַּחֲנֶה וְהוֹרִדוּ אֵת פָּרֹכֶת הַמָּסָךְ וְכִסּוּ־בָהּ אֵת אֲרֹן
ו הָעֵדֻת׃ וְנָתְנוּ עָלָיו כְּסוּי עוֹר תַּחַשׁ וּפָרְשׂוּ בֶגֶד־כְּלִיל
ז תְּכֵלֶת מִלְמָעְלָה וְשָׂמוּ בַּדָּיו׃ וְעַל ׀ שֻׁלְחַן הַפָּנִים יִפְרְשׂוּ
בֶּגֶד תְּכֵלֶת וְנָתְנוּ עָלָיו אֶת־הַקְּעָרֹת וְאֶת־הַכַּפֹּת וְאֶת־
הַמְּנַקִּיֹּת וְאֵת קְשׂוֹת הַנָּסֶךְ וְלֶחֶם הַתָּמִיד עָלָיו יִהְיֶה׃
ח וּפָרְשׂוּ עֲלֵיהֶם בֶּגֶד תּוֹלַעַת שָׁנִי וְכִסּוּ אֹתוֹ בְּמִכְסֵה עוֹר
ט תָּחַשׁ וְשָׂמוּ אֶת־בַּדָּיו׃ וְלָקְחוּ ׀ בֶּגֶד תְּכֵלֶת וְכִסּוּ אֶת־
מְנֹרַת הַמָּאוֹר וְאֶת־נֵרֹתֶיהָ וְאֶת־מַלְקָחֶיהָ וְאֶת־מַחְתֹּתֶיהָ
י וְאֵת כָּל־כְּלֵי שַׁמְנָהּ אֲשֶׁר יְשָׁרְתוּ־לָהּ בָּהֶם׃ וְנָתְנוּ אֹתָהּ
וְאֶת־כָּל־כֵּלֶיהָ אֶל־מִכְסֵה עוֹר תָּחַשׁ וְנָתְנוּ עַל־הַמּוֹט׃
יא וְעַל ׀ מִזְבַּח הַזָּהָב יִפְרְשׂוּ בֶּגֶד תְּכֵלֶת וְכִסּוּ אֹתוֹ בְּמִכְסֵה

ג, מז׳ קמץ בז״ק   נא׳ חסר ו

יב עוֹר תָּחַשׁ וְשָׂמוּ אֶת־בַּדָּיו׃ וְלָקְחוּ אֶת־כָּל־כְּלֵי הַשָּׁרֵת
אֲשֶׁר יְשָׁרְתוּ־בָם בַּקֹּדֶשׁ וְנָתְנוּ אֶל־בֶּגֶד תְּכֵלֶת וְכִסּוּ
יג אוֹתָם בְּמִכְסֵה עוֹר תָּחַשׁ וְנָתְנוּ עַל־הַמּוֹט׃ וְדִשְּׁנוּ אֶת־
יד הַמִּזְבֵּחַ וּפָרְשׂוּ עָלָיו בֶּגֶד אַרְגָּמָן׃ וְנָתְנוּ עָלָיו אֶת־כָּל־
כֵּלָיו אֲשֶׁר יְשָׁרְתוּ עָלָיו בָּהֶם אֶת־הַמַּחְתֹּת אֶת־הַמִּזְלָגֹת
וְאֶת־הַיָּעִים וְאֶת־הַמִּזְרָקֹת כֹּל כְּלֵי הַמִּזְבֵּחַ וּפָרְשׂוּ עָלָיו
טו כְּסוּי עוֹר תַּחַשׁ וְשָׂמוּ בַדָּיו׃ וְכִלָּה אַהֲרֹן וּבָנָיו לְכַסֹּת
אֶת־הַקֹּדֶשׁ וְאֶת־כָּל־כְּלֵי הַקֹּדֶשׁ בִּנְסֹעַ הַמַּחֲנֶה וְאַחֲרֵי־כֵן
יָבֹאוּ בְנֵי־קְהָת לָשֵׂאת וְלֹא־יִגְּעוּ אֶל־הַקֹּדֶשׁ וָמֵתוּ אֵלֶּה
טז מַשָּׂא בְנֵי־קְהָת בְּאֹהֶל מוֹעֵד׃ וּפְקֻדַּת אֶלְעָזָר ׀ בֶּן
אַהֲרֹן הַכֹּהֵן שֶׁמֶן הַמָּאוֹר וּקְטֹרֶת הַסַּמִּים וּמִנְחַת הַתָּמִיד
וְשֶׁמֶן הַמִּשְׁחָה פְּקֻדַּת כָּל־הַמִּשְׁכָּן וְכָל־אֲשֶׁר־בּוֹ בְּקֹדֶשׁ
וּבְכֵלָיו׃ פ
מפ'
יח וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר׃ אַל־תַּכְרִיתוּ
יט אֶת־שֵׁבֶט מִשְׁפְּחֹת הַקְּהָתִי מִתּוֹךְ הַלְוִיִּם׃ וְזֹאת ׀ עֲשׂוּ
לָהֶם וְחָיוּ וְלֹא יָמֻתוּ בְּגִשְׁתָּם אֶת־קֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים אַהֲרֹן
וּבָנָיו יָבֹאוּ וְשָׂמוּ אוֹתָם אִישׁ אִישׁ עַל־עֲבֹדָתוֹ וְאֶל־מַשָּׂאוֹ׃
כ וְלֹא־יָבֹאוּ לִרְאוֹת כְּבַלַּע אֶת־הַקֹּדֶשׁ וָמֵתוּ׃ פ

אַריינטאָן זיינע שטאַנגען. 12 און זיי זאָלן נעמען אַלע כּלים פון דינסט וואָס מע דינט מיט זיי אין הייליקטום, און זיי אַריינטאָן אין אַ טוך פון בלאָער וואָל, און זיי אַריבערדעקן מיט אַ צודעק פון תּחש־פעל, און אַרויפטאָן אויף אַ שטאַנג. 13 און זיי זאָלן אָפּרייניקן די אַש פון מזבח, און פאַרשפּרייטן אויף אים אַ טוך פון פורפּל. 14 און זיי זאָלן אַרויפטאָן אויף אים אַלע זיינע כּלים וואָס מע דינט מיט זיי אויף אים, די פייערפאַנען, די גאָפּלען, און די שופלען, און די שפּרענגבעקנס—אַלע כּלים פון מזבח; און זיי זאָלן אַריבערשפּרייטן אויף אים אַ צודעק פון תּחש־פעל, און אַריינטאָן זיינע שטאַנגען. 15 און אַז אַהרן און זיינע זין האָבן געענדיקט צודעקן דאָס הייליקע, און אַלע הייליקע כּלים, ביים ציען פון לאַגער, זאָלן דערנאָך קומען די קינדער פון קהָת, זיי צו טראָגן; אָבער זיי זאָלן זיך ניט אָנרירן אָן דעם הייליקן, וואָרום זיי וועלן שטאַרבן. דאָס איז וואָס די קינדער פון קהָת דאַרפן טראָגן פון אוהל־מועד. 16 און די אויפזעאונג פון אֶלעָזָר דעם זון פון אַהרן דעם כּהן זאָל זיין איבער דעם אייל פאַר לייכטונג, און דעם ווייראויך פון שמעקעדיקע געווירצן, און דעם שטענדיקן שפּייזאָפּפער, און דעם אייל פון זאַלבונג; די אויפזעאונג איבער דעם גאַנצן מִשכּן מיט אַלץ וואָס אין אים, סיי דאָס הייליקטום, און סיי זיינע כּלים.

17 און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן: 18 איר זאָלט ניט לאָזן פאַרשניטן ווערן דעם שבט פון די משפּחות פון די קהָתים, פון צווישן די לוִיִם; 19 נייערט אַזוי טוט מיט זיי, כּדי זיי זאָלן לעבן און ניט שטאַרבן, ווען זיי גענענען צו די הייליקסטע הייליקייטן: אַהרן און זיינע זין זאָלן אַריינגיין, און זיי שטעלן יעטוועדער איינעם אויף זיין דינסט, און ביי זיין משׂא. 20 און זיי זאָלן ניט אַריינגיין זען ווי מע צענעמט דאָס הייליקטום, און שטאַרבן.

# נָשׂא

כא וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ נָשֹׂא אֶת־רֹאשׁ בְּנֵי גֵרְשׁוֹן
כב גַּם־הֵם לְבֵית אֲבֹתָם לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ מִבֶּן שְׁלֹשִׁים שָׁנָה
כג וָמַעְלָה עַד בֶּן־חֲמִשִּׁים שָׁנָה תִּפְקֹד אוֹתָם כָּל־הַבָּא לִצְבֹא
כד צָבָא לַעֲבֹד עֲבֹדָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד׃ זֹאת עֲבֹדַת מִשְׁפְּחֹת
כה הַגֵּרְשֻׁנִּי לַעֲבֹד וּלְמַשָּׂא׃ וְנָשְׂאוּ אֶת־יְרִיעֹת הַמִּשְׁכָּן וְאֶת־
אֹהֶל מוֹעֵד מִכְסֵהוּ וּמִכְסֵה הַתַּחַשׁ אֲשֶׁר־עָלָיו מִלְמָעְלָה
כו וְאֶת־מָסַךְ פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְאֵת קַלְעֵי הֶחָצֵר וְאֶת־מָסַךְ ׀
פֶּתַח ׀ שַׁעַר הֶחָצֵר אֲשֶׁר עַל־הַמִּשְׁכָּן וְעַל־הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב
וְאֵת מֵיתְרֵיהֶם וְאֶת־כָּל־כְּלֵי עֲבֹדָתָם וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר יֵעָשֶׂה

21 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 22 נעם אויף די צאָל אויך פון די קינדער פון גֵרשון לויט זייערע פאָטערהייזער, לויט זייערע משפּחות. 23 פון דרייסיק יאָר אַלט און העכער, ביז פופציק יאָר אַלט, זאָלסטו זיי ציילן, איטלעכן וואָס קומט דינען אין דינסט, צו טאָן אַרבעט אין אוהל־מועד. 24 דאָס איז דער דינסט פון די משפּחות פון די גֵרשונים ביים אַרבעטן און ביים טראָגן: 25 זיי זאָלן טראָגן די פאָרהאַנגען פון מִשכּן, און דעם אוהל־מועד, זיין צודעק, און דעם צודעק פון תּחש־פעל וואָס אויבן איבער אים, און דעם טירפאָרהאַנג פון אוהל־מועד: 26 און די אַרומהאַנגען פון הויף, און דעם טירפאָרהאַנג פון טויער פון דעם הויף וואָס רונד אַרום דעם מִשכּן און דעם מזבח, און זייערע שטריק, און אַלע זייערע אַרבעטגעצייג; און אַלץ וואָס דאַרף דערמיט געטאָן ווערן

זאָלן זיי טאָן. 27 לויט דעם מויל פון אַהרנען און זיינע
זין זאָל געשען דער גאַנצער דינסט פון די קינדער פון
די גרשונים, אין אַל זייער טראָגן, און אין אַל זייער דינסט;
און איר זאָלט איבערגעבן אין זייער היטונג אַלץ וואָס זיי
דאַרפן טראָגן. 28 דאָס איז דער דינסט פון די משפחות
פון די קינדער פון די גרשונים אין אוהל־מועד; און זייער
היטונג זאָל זיין אונטער דער האַנט פון איתמר דעם זון
פון אַהרן דעם כּהן.

29 די קינדער פון מררי, זיי [אויך] זאָלסטו ציילן
לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פאָטערהייזער. 30 פון
דרייסיק יאָר אַלט און העכער, און ביז פופציק יאָר אַלט,
זאָלסטו זיי ציילן, איטלעכן וואָס גייט אַריין אין דינסט
צו טאָן די אַרבעט פון אוהל־מועד. 31 און דאָס איז וואָס
זיי דאַרפן אָפּהיטן צו טראָגן, לויט זייער גאַנצן דינסט אין
אוהל־מועד: די ברעטער פון משכּן, און זיינע ריגלען,
און זיינע זיילן, און זיינע שוועלן; 32 און די זיילן פון הויף
רונד אַרום, און זייערע שוועלן, און זייערע פּלעקלעך,
און זייערע שטריק—אַלע זייערע זאַכן, און אַלע זייערע
צובאַהער. און מיט די נעמען זאָלט איר אויסציילן די
זאַכן וואָס זיי דאַרפן אָפּהיטן צו טראָגן. 33 דאָס איז דער
דינסט פון די משפחות פון די קינדער פון מררי, לויט אַל
זייער דינסט אין אוהל־מועד, אונטער דער האַנט פון
איתמר דעם זון פון אַהרן דעם כּהן.

כז לָהֶם וְעָבָדוּ: עַל־פִּי אַהֲרֹן וּבָנָיו תִּהְיֶה כָּל־עֲבֹדַת בְּנֵי
הַגֵּרְשֻׁנִּי לְכָל־מַשָּׂאָם וּלְכֹל עֲבֹדָתָם וּפְקַדְתֶּם עֲלֵהֶם
כח בְּמִשְׁמֶרֶת אֵת כָּל־מַשָּׂאָם: זֹאת עֲבֹדַת מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי
הַגֵּרְשֻׁנִּי בְּאֹהֶל מוֹעֵד וּמִשְׁמַרְתָּם בְּיַד אִיתָמָר בֶּן־אַהֲרֹן
כט הַכֹּהֵן: ס בְּנֵי מְרָרִי לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית־אֲבֹתָם תִּפְקֹד
ל אֹתָם: מִבֶּן שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וָמַעְלָה וְעַד בֶּן־חֲמִשִּׁים שָׁנָה
תִּפְקְדֵם כָּל־הַבָּא לַצָּבָא לַעֲבֹד אֶת־עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד:
לא וְזֹאת מִשְׁמֶרֶת מַשָּׂאָם לְכָל־עֲבֹדָתָם בְּאֹהֶל מוֹעֵד קַרְשֵׁי
לב הַמִּשְׁכָּן וּבְרִיחָיו וְעַמּוּדָיו וַאֲדָנָיו: וְעַמּוּדֵי הֶחָצֵר סָבִיב
וְאַדְנֵיהֶם וִיתֵדֹתָם וּמֵיתְרֵיהֶם לְכָל־כְּלֵיהֶם וּלְכֹל עֲבֹדָתָם
לג וּבְשֵׁמֹת תִּפְקְדוּ אֶת־כְּלֵי מִשְׁמֶרֶת מַשָּׂאָם: זֹאת עֲבֹדַת
מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי מְרָרִי לְכָל־עֲבֹדָתָם בְּאֹהֶל מוֹעֵד בְּיַד אִיתָמָר
לד בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן: וַיִּפְקֹד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן וּנְשִׂיאֵי הָעֵדָה אֶת־
לה בְּנֵי הַקְּהָתִי לְמִשְׁפְּחֹתָם וּלְבֵית אֲבֹתָם: מִבֶּן שְׁלֹשִׁים
שָׁנָה וָמַעְלָה וְעַד בֶּן־חֲמִשִּׁים שָׁנָה כָּל־הַבָּא לַצָּבָא
לו לַעֲבֹדָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד: וַיִּהְיוּ פְקֻדֵיהֶם לְמִשְׁפְּחֹתָם אַלְפַּיִם
לז שְׁבַע מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים: אֵלֶּה פְקוּדֵי מִשְׁפְּחֹת הַקְּהָתִי כָּל־
הָעֹבֵד בְּאֹהֶל מוֹעֵד אֲשֶׁר פָּקַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן עַל־פִּי יְהוָה
שני בְּיַד־מֹשֶׁה: ס וּפְקוּדֵי בְּנֵי גֵּרְשׁוֹן לְמִשְׁפְּחוֹתָם וּלְבֵית
לט אֲבֹתָם: מִבֶּן שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וָמַעְלָה וְעַד בֶּן־חֲמִשִּׁים
מ שָׁנָה כָּל־הַבָּא לַצָּבָא לַעֲבֹדָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד: וַיִּהְיוּ
פְּקֻדֵיהֶם לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם אַלְפַּיִם וְשֵׁשׁ מֵאוֹת
מא וּשְׁלֹשִׁים: אֵלֶּה פְקוּדֵי מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי גֵרְשׁוֹן כָּל־הָעֹבֵד
בְּאֹהֶל מוֹעֵד אֲשֶׁר פָּקַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן עַל־פִּי יְהוָה:
מב וּפְקוּדֵי מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי מְרָרִי לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֵית אֲבֹתָם:
מג מִבֶּן שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וָמַעְלָה וְעַד בֶּן־חֲמִשִּׁים שָׁנָה כָּל־הַבָּא
מד לַצָּבָא לַעֲבֹדָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד: וַיִּהְיוּ פְקֻדֵיהֶם לְמִשְׁפְּחֹתָם
מה שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וּמָאתָיִם: אֵלֶּה פְקוּדֵי מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי

34 און משה און אַהרן און די פירשטן פון דער עדה האָבן געציילט די קינדער פון די קהתים לויט זייערע
משפחות, און לויט זייערע פאָטערהייזער, 35 פון דרייסיק יאָר אַלט און העכער, און ביז פופציק יאָר אַלט, איטלעכן
וואָס איז אַריין אין דינסט צו דער אַרבעט אין אוהל־מועד. 36 און זייערע געציילטע לויט זייערע משפחות,
זיינען געווען צוויי טויזנט זיבן הונדערט און פופציק. 37 דאָס זיינען די געציילטע פון די משפחות פון די קהתים,
אַלע וואָס האָבן געדינט אין אוהל־מועד, די וואָס משה און אַהרן האָבן געציילט לויט דעם מויל פון גאָט דורך משהן.

38 און די געציילטע פון די קינדער פון גרשון לויט זייערע משפחות, און לויט זייערע פאָטערהייזער, 39 פון
דרייסיק יאָר אַלט און העכער, און ביז פופציק יאָר אַלט, איטלעכער וואָס איז אַריין אין דינסט צו דער אַרבעט אין
אוהל־מועד— 40 זייערע געציילטע לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פאָטערהייזער, זיינען געווען צוויי טויזנט און
זעקס הונדערט און דרייסיק. 41 דאָס זיינען די געציילטע פון די משפחות פון די קינדער פון גרשון, אַלע וואָס האָבן
געדינט אין אוהל־מועד, די וואָס משה און אַהרן האָבן געציילט לויט דעם מויל פון גאָט.

42 און די געציילטע פון די משפחות פון די קינדער פון מררי לויט זייערע משפחות, לויט זייערע פאָטערהייזער,
43 פון דרייסיק יאָר אַלט און העכער, און ביז פופציק יאָר אַלט, איטלעכער וואָס איז אַריין אין דינסט צו דער אַרבעט
אין אוהל־מועד— 44 זייערע געציילטע לויט זייערע משפחות, זיינען געווען דריי טויזנט און צוויי הונדערט. 45 דאָס זיינען

מְרָרִי אֲשֶׁר פָּקַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן עַל־פִּי יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה׃ כָּל־ מו
הַפְּקֻדִים אֲשֶׁר פָּקַד מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן וּנְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־
הַלְוִיִּם לְמִשְׁפְּחֹתָם וּלְבֵית אֲבֹתָם׃ מִבֶּן שְׁלֹשִׁים שָׁנָה וָמַעְלָה מז
וְעַד בֶּן־חֲמִשִּׁים שָׁנָה כָּל־הַבָּא לַעֲבֹד עֲבֹדַת עֲבֹדָה וַעֲבֹדַת
מַשָּׂא בְּאֹהֶל מוֹעֵד׃ וַיִּהְיוּ פְּקֻדֵיהֶם שְׁמֹנַת אֲלָפִים וַחֲמֵשׁ מח
מֵאוֹת וּשְׁמֹנִים׃ עַל־פִּי יְהוָה פָּקַד אוֹתָם בְּיַד־מֹשֶׁה אִישׁ אִישׁ מט
עַל־עֲבֹדָתוֹ וְעַל־מַשָּׂאוֹ וּפְקֻדָיו אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ

ה

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ צַו אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל ב של׳
וִישַׁלְּחוּ מִן־הַמַּחֲנֶה כָּל־צָרוּעַ וְכָל־זָב וְכֹל טָמֵא לָנָפֶשׁ׃
מִזָּכָר עַד־נְקֵבָה תְּשַׁלֵּחוּ אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה תְּשַׁלְּחוּם וְלֹא ג
יְטַמְּאוּ אֶת־מַחֲנֵיהֶם אֲשֶׁר אֲנִי שֹׁכֵן בְּתוֹכָם׃ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן בְּנֵי ד
יִשְׂרָאֵל וַיְשַׁלְּחוּ אוֹתָם אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר
יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ ה ו
אוֹ־אִשָּׁה כִּי יַעֲשׂוּ מִכָּל־חַטֹּאת הָאָדָם לִמְעֹל מַעַל בַּיהוָה
וְאָשְׁמָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא׃ וְהִתְוַדּוּ אֶת־חַטָּאתָם אֲשֶׁר עָשׂוּ ז
וְהֵשִׁיב אֶת־אֲשָׁמוֹ בְּרֹאשׁוֹ וַחֲמִישִׁתוֹ יֹסֵף עָלָיו וְנָתַן לַאֲשֶׁר
אָשַׁם לוֹ׃ וְאִם־אֵין לָאִישׁ גֹּאֵל לְהָשִׁיב הָאָשָׁם אֵלָיו הָאָשָׁם ח
הַמּוּשָׁב לַיהוָה לַכֹּהֵן מִלְּבַד אֵיל הַכִּפֻּרִים אֲשֶׁר יְכַפֶּר־
בּוֹ עָלָיו׃ וְכָל־תְּרוּמָה לְכָל־קָדְשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־ ט
יַקְרִיבוּ לַכֹּהֵן לוֹ יִהְיֶה׃ וְאִישׁ אֶת־קֳדָשָׁיו לוֹ יִהְיוּ אִישׁ י
אֲשֶׁר־יִתֵּן לַכֹּהֵן לוֹ יִהְיֶה׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יב רב׳
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אִישׁ אִישׁ כִּי־תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ וּמָעֲלָה בוֹ
מָעַל׃ וְשָׁכַב אִישׁ אֹתָהּ שִׁכְבַת־זֶרַע וְנֶעְלַם מֵעֵינֵי אִישָׁהּ יג
וְנִסְתְּרָה וְהִיא נִטְמָאָה וְעֵד אֵין בָּהּ וְהִוא לֹא נִתְפָּשָׂה׃

ד, מט׳ סבירין כאשר

די געציילטע פון די משפחות פון די קינדער פון מְרָרִי, וואָס משה און אהרן האָבן געציילט לויט דעם מויל פון גאָט דורך משהן.

46 אַלע געציילטע וואָס משה און אהרן און די פירשטן פון ישראל האָבן געציילט פון די לוִיִם לויט זייערע משפחות, און לויט זייערע פאָטערהייזער, 47 פון דרייסיק יאָר אַלט און העכער, און ביז פופציק יאָר אַלט, איטלעכער וואָס איז געקומען דינען דעם דינסט פון אַרבעט, און דעם דינסט פון טראָגן, אין אוהל־מועד — 48 זייערע געציילטע זיינען געווען אַכט טויזנט און פינף הונדערט און אַכציק. 49 לויט דעם מויל פון גאָט דורך משהן האָט מען זיי געשטעלט יעטוועדער מאַן אויף זיין דינסט און אויף זיין משׂא. און איז געווען זייער ציילונג וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן.

ה

1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 באַפעל די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן אַרויסשיקן פון לאַגער איטלעכן מצורע, און איטלעכן פלוסיקן, און איטלעכן וואָס איז אומריין פון אַ טויטן לייב. 3 סיי אַ זכר סיי אַ נקבה זאָלט איר אַרויסשיקן; אויסן לאַגער זאָלט איר זיי אַרויסשיקן, כּדי זיי זאָלן ניט פאַראומרייניקן זייערע לאַגערן וואָס איך רו צווישן זיי.

4 האָבן די קינדער פון ישראל אַזוי געטאָן, און זיי האָבן זיי אַרויסגעשיקט אויסן לאַגער; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי האָבן די קינדער פון ישראל געטאָן.

5 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 6 רעד צו די קינדער פון ישראל: אַ מאַן אָדער אַ פרוי, אַז זיי וועלן באַגיין עפּעס אַ מענטשלעכע זינד, צו פעלשן אַ פעלשונג אָן גאָט, און יענע זעל וועט זיך פאַרשולדיקן, 7 זאָלן זיי זיך מתוודה זיין אויף זייער זינד וואָס זיי האָבן באַגאַנגען; און ער זאָל אומקערן דעם קרן פון זיין פאַרשולדיקונג, און צולייגן דערצו אַ פינפטל דערפון, און אָפּגעבן צו דעם קעגן וועמען ער האָט זיך פאַרשולדיקט. 8 און אַז דער מאַן האָט ניט קיין קרוב, וועמען אומצוקערן דאָס פאַרשולדיקטע, זאָל דאָס פאַרשולדיקטע וואָס דאַרף אומגעקערט ווערן, געהערן צו גאָט, צום כּהן; אַחוץ דעם ווידער פון פאַרגעבונג, וואָס דערמיט זאָל מען מכפּר זיין אויף אים.

9 און יעטוועדער אָפּהייבונג, פון אַלע געהייליקטע זאַכן פון די קינדער פון ישראל, וואָס זיי וועלן ברענגען צום כּהן, זאָל געהערן צו אים. 10 און די געהייליקטע זאַכן פון איטלעכן זאָלן געהערן צו אים: וואָס עמיצער וועט געבן צום כּהן, זאָל געהערן צו אים.

11 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 12 רעד צו די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַז עמיצן איינעמס ווייב וועט אַראָפּ פון וועג, און וועט פעלשן אַ פעלשונג אָן אים, 13 און אַ מאַן וועט ליגן מיט איר אַ ביישלאָף פון זאָמען, און עס וועט זיין פאַרהוילן פון די אויגן פון איר מאַן, ווייל זי איז פאַראומרייניקט געוואָרן פאַרבאָרגענערהייט, און קיין עדות אַקעגן איר איז ניטאָ, און זי איז ניט געכאַפּט געוואָרן; 14 און אַ

יד וְעָבַר עָלָיו רוּחַ־קִנְאָה וְקִנֵּא אֶת־אִשְׁתּוֹ וְהִוא נִטְמָאָה אוֹ־
עָבַר עָלָיו רוּחַ־קִנְאָה וְקִנֵּא אֶת־אִשְׁתּוֹ וְהִיא לֹא נִטְמָאָה׃
טו וְהֵבִיא הָאִישׁ אֶת־אִשְׁתּוֹ אֶל־הַכֹּהֵן וְהֵבִיא אֶת־קָרְבָּנָהּ
עָלֶיהָ עֲשִׂירִת הָאֵיפָה קֶמַח שְׂעֹרִים לֹא־יִצֹק עָלָיו שֶׁמֶן
וְלֹא־יִתֵּן עָלָיו לְבֹנָה כִּי־מִנְחַת קְנָאֹת הוּא מִנְחַת זִכָּרוֹן
טז מַזְכֶּרֶת עָוֺן׃ וְהִקְרִיב אֹתָהּ הַכֹּהֵן וְהֶעֱמִדָהּ לִפְנֵי יְהוָה׃
יז וְלָקַח הַכֹּהֵן מַיִם קְדֹשִׁים בִּכְלִי־חָרֶשׂ וּמִן־הֶעָפָר אֲשֶׁר
יח יִהְיֶה בְּקַרְקַע הַמִּשְׁכָּן יִקַּח הַכֹּהֵן וְנָתַן אֶל־הַמָּיִם׃ וְהֶעֱמִיד
הַכֹּהֵן אֶת־הָאִשָּׁה לִפְנֵי יְהוָה וּפָרַע אֶת־רֹאשׁ הָאִשָּׁה וְנָתַן
עַל־כַּפֶּיהָ אֵת מִנְחַת הַזִּכָּרוֹן מִנְחַת קְנָאֹת הִוא וּבְיַד הַכֹּהֵן
יט יִהְיוּ מֵי הַמָּרִים הַמְאָרְרִים׃ וְהִשְׁבִּיעַ אֹתָהּ הַכֹּהֵן וְאָמַר
אֶל־הָאִשָּׁה אִם־לֹא שָׁכַב אִישׁ אֹתָךְ וְאִם־לֹא שָׂטִית
טֻמְאָה תַּחַת אִישֵׁךְ הִנָּקִי מִמֵּי הַמָּרִים הַמְאָרְרִים הָאֵלֶּה׃
כ וְאַתְּ כִּי שָׂטִית תַּחַת אִישֵׁךְ וְכִי נִטְמֵאת וַיִּתֵּן אִישׁ בָּךְ אֶת־
כא שְׁכָבְתּוֹ מִבַּלְעֲדֵי אִישֵׁךְ׃ וְהִשְׁבִּיעַ הַכֹּהֵן אֶת־הָאִשָּׁה
בִּשְׁבֻעַת הָאָלָה וְאָמַר הַכֹּהֵן לָאִשָּׁה יִתֵּן יְהוָה אוֹתָךְ לְאָלָה
וְלִשְׁבֻעָה בְּתוֹךְ עַמֵּךְ בְּתֵת יְהוָה אֶת־יְרֵכֵךְ נֹפֶלֶת וְאֶת־
כב בִּטְנֵךְ צָבָה׃ וּבָאוּ הַמַּיִם הַמְאָרְרִים הָאֵלֶּה בְּמֵעַיִךְ לַצְבּוֹת
כג בֶּטֶן וְלַנְפִּל יָרֵךְ וְאָמְרָה הָאִשָּׁה אָמֵן ׀ אָמֵן׃ וְכָתַב אֶת־
כד הָאָלֹת הָאֵלֶּה הַכֹּהֵן בַּסֵּפֶר וּמָחָה אֶל־מֵי הַמָּרִים׃ וְהִשְׁקָה
אֶת־הָאִשָּׁה אֶת־מֵי הַמָּרִים הַמְאָרְרִים וּבָאוּ בָהּ הַמַּיִם
כה הַמְאָרְרִים לְמָרִים׃ וְלָקַח הַכֹּהֵן מִיַּד הָאִשָּׁה אֵת מִנְחַת
הַקְּנָאֹת וְהֵנִיף אֶת־הַמִּנְחָה לִפְנֵי יְהוָה וְהִקְרִיב אֹתָהּ אֶל־
כו הַמִּזְבֵּחַ׃ וְקָמַץ הַכֹּהֵן מִן־הַמִּנְחָה אֶת־אַזְכָּרָתָהּ וְהִקְטִיר
כז הַמִּזְבֵּחָה וְאַחַר יַשְׁקֶה אֶת־הָאִשָּׁה אֶת־הַמָּיִם׃ וְהִשְׁקָהּ
אֶת־הַמַּיִם וְהָיְתָה אִם־נִטְמְאָה וַתִּמְעֹל מַעַל בְּאִישָׁהּ וּבָאוּ
בָהּ הַמַּיִם הַמְאָרְרִים לְמָרִים וְצָבְתָה בִטְנָהּ וְנָפְלָה יְרֵכָהּ
כח וְהָיְתָה הָאִשָּׁה לְאָלָה בְּקֶרֶב עַמָּהּ׃ וְאִם־לֹא נִטְמְאָה

גייסט פון אייפערזוכט וועט קומען אויף אים, און ער וועט ווערן אייפערזיכטיק אויף זיין ווייב, ווען זי איז פאַראומרייניקט געוואָרן; אָדער אַ גייסט פון אייפערזוכט וועט קומען אויף אים, און ער וועט ווערן אייפערזיכטיק אויף זיין ווייב, און זי איז ניט פאַראומרייניקט געוואָרן; [15] זאָל דער מאַן ברענגען זיין ווייב צום כהן, און ברענגען איר קרבן מיט איר, אַ צענטל אֵיפָה גערשטענע מעל; ער זאָל ניט אַרויפגיסן דערויף אייל, און ניט אַרויפטאָן דערויף ווייררויך, וואָרום אַ שפּייזאָפּפער פון אייפערזוכט איז דאָס, אַ שפּייזאָפּפער פון דערמאָנונג, וואָס דערמאָנט אַ זינד. [16] און דער כהן זאָל זי מאַכן גענענען, און זי אַוועקשטעלן פאַר גאָט. [17] און דער כהן זאָל נעמען הייליקע וואַסער אין אַ ליימענער כלי, און פון דעם שטויב וואָס איז אויפן באָדעם פון מִשכן זאָל דער כהן נעמען, און אַרייַנטאָן אין דעם וואַסער. [18] און דער כהן זאָל שטעלן די פרוי פאַר גאָט, און צעשויבערן דעם קאָפּ פון דער פרוי, און געבן אויף אירע האַנטפלעכן דאָס שפּייזאָפּפער פון דערמאָנונג, דאָס איז דאָס שפּייזאָפּפער פון אייפערזוכט; און אין דעם כהנס האַנט זאָל זיין דאָס־דאָזיקע וואַסער פון ביטערניש וואָס מאַכט פאַרשאָלטן. [19] און דער כהן זאָל זי באַשווערן, און זאָגן צו דער פרוי: אויב קיין מאַן איז ניט געלעגן מיט דיר, און אויב דו ביסט ניט אַראָפּ פון וועג אין אומריינקייט הינטער דיין מאַן, בלייב אומגעשאַט פון דעמדאָזיקן וואַסער פון ביטערניש וואָס מאַכט פאַרשאָלטן. [20] אויב אָבער דו ביסט אַראָפּ פון וועג הינטער דיין מאַן, און אויב דו ביסט פאַראומרייניקט געוואָרן, און אַ מאַן איז געלעגן מיט דיר אַחוץ דיין מאַן— [21] און דער כהן זאָל באַשווערן די פרוי מיט אַ שבועה פון אַ קללה, און דער כהן זאָל זאָגן צו דער פרוי— זאָל דיך גאָט מאַכן פאַר אַ קללה און פאַר אַ שבועה צווישן דיין פאָלק, אַז גאָט וועט מאַכן אַוועקפאַלן דיין דיך, און געשוועלן דיין בויך; [22] און דאָסדאָזיקע וואַסער וואָס מאַכט פאַרשאָלטן זאָל אַריין אין דיינע אינגעווייד, צו מאַכן געשוועלן דעם בויך, און מאַכן אַוועקפאַלן דעם דיך; און די פרוי זאָל זאָגן: אָמן! אָמן! [23] און דער כהן זאָל אויפשרייבן דידאָזיקע קללות אויף אַ מגילה, און אָפּמעקן אין דעם וואַסער פון ביטערניש. [24] און ער זאָל געבן טרינקען דער פרוי דאָס וואַסער פון ביטערניש וואָס מאַכט פאַרשאָלטן, און דאָס וואַסער וואָס מאַכט פאַרשאָלטן וועט אַריין אין איר פאַר אַ ביטערניש. [25] און דער כהן זאָל נעמען פון דער פרויס האַנט דאָס שפּייזאָפּפער פון אייפערזוכט, און אויפהייבן דאָס שפּייזאָפּפער פאַר גאָט, און עס גענענען צום מזבח. [26] און דער כהן זאָל אָננעמען אַ הויפן פון דעם שפּייזאָפּפער—זיין דערמאָנונג[א], און דעמפן אויפן מזבח; און דערנאָך זאָל ער געבן טרינקען דער פרוי דאָס וואַסער. [27] און אַז ער וועט איר געבן טרינקען דאָס וואַסער, איז, אויב זי איז פאַראומרייניקט געוואָרן, און האָט געפעלשט אַ פעלשונג אָן איר מאַן, וועט דאָס וואַסער וואָס מאַכט פאַרשאָלטן, אַריין אין איר פאַר אַ ביטערניש, און איר בויך וועט געשוואָלן ווערן, און איר דיך וועט אַוועקפאַלן; און די פרוי וועט ווערן פאַר אַ קללה צווישן איר פאָלק. [28] אויב אָבער

[א] זע ויקרא ב, 2.

כט הָאִשָּׁה וּטְהֹרָה הִוא וְנִקְּתָה וְנִזְרְעָה זָרַע: זֹאת תּוֹרַת
ל הַקְּנָאֹת אֲשֶׁר תִּשְׂטֶה אִשָּׁה תַּחַת אִישָׁהּ וְנִטְמָאָה: אוֹ
אִישׁ אֲשֶׁר תַּעֲבֹר עָלָיו רוּחַ קִנְאָה וְקִנֵּא אֶת־אִשְׁתּוֹ
וְהֶעֱמִיד אֶת־הָאִשָּׁה לִפְנֵי יְהוָה וְעָשָׂה לָהּ הַכֹּהֵן אֵת כָּל־
לא הַתּוֹרָה הַזֹּאת: וְנִקָּה הָאִישׁ מֵעָוֹן וְהָאִשָּׁה הַהִוא תִּשָּׂא
אֶת־עֲוֹנָהּ: פ

ו

א ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר: דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם אִישׁ אוֹ־אִשָּׁה כִּי יַפְלִא לִנְדֹּר נֶדֶר נָזִיר
ג לְהַזִּיר לַיהוָה: מִיַּיִן וְשֵׁכָר יַזִּיר חֹמֶץ יַיִן וְחֹמֶץ שֵׁכָר לֹא
יִשְׁתֶּה וְכָל־מִשְׁרַת עֲנָבִים לֹא יִשְׁתֶּה וַעֲנָבִים לַחִים וִיבֵשִׁים
ד לֹא יֹאכֵל: כֹּל יְמֵי נִזְרוֹ מִכֹּל אֲשֶׁר יֵעָשֶׂה מִגֶּפֶן הַיַּיִן
ה מֵחַרְצַנִּים וְעַד־זָג לֹא יֹאכֵל: כָּל־יְמֵי נֶדֶר נִזְרוֹ תַּעַר לֹא־
יַעֲבֹר עַל־רֹאשׁוֹ עַד־מְלֹאת הַיָּמִם אֲשֶׁר־יַזִּיר לַיהוָה קָדֹשׁ
ו יִהְיֶה גַּדֵּל פֶּרַע שְׂעַר רֹאשׁוֹ: כָּל־יְמֵי הַזִּירוֹ לַיהוָה עַל־
ז נֶפֶשׁ מֵת לֹא יָבֹא: לְאָבִיו וּלְאִמּוֹ לְאָחִיו וּלְאַחֹתוֹ לֹא־
ח יִטַּמָּא לָהֶם בְּמֹתָם כִּי נֵזֶר אֱלֹהָיו עַל־רֹאשׁוֹ: כֹּל יְמֵי
ט נִזְרוֹ קָדֹשׁ הוּא לַיהוָה: וְכִי־יָמוּת מֵת עָלָיו בְּפֶתַע פִּתְאֹם
וְטִמֵּא רֹאשׁ נִזְרוֹ וְגִלַּח רֹאשׁוֹ בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי
י יְגַלְּחֶנּוּ: וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יָבִא שְׁתֵּי תֹרִים אוֹ שְׁנֵי בְּנֵי יוֹנָה
יא אֶל־הַכֹּהֵן אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד: וְעָשָׂה הַכֹּהֵן אֶחָד
לְחַטָּאת וְאֶחָד לְעֹלָה וְכִפֶּר עָלָיו מֵאֲשֶׁר חָטָא עַל־הַנָּפֶשׁ
יב וְקִדַּשׁ אֶת־רֹאשׁוֹ בַּיּוֹם הַהוּא: וְהִזִּיר לַיהוָה אֶת־יְמֵי נִזְרוֹ
וְהֵבִיא כֶּבֶשׂ בֶּן־שְׁנָתוֹ לְאָשָׁם וְהַיָּמִים הָרִאשֹׁנִים יִפְּלוּ כִּי
יג טָמֵא נִזְרוֹ: וְזֹאת תּוֹרַת הַנָּזִיר בְּיוֹם מְלֹאת יְמֵי נִזְרוֹ יָבִיא
יד אֹתוֹ אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד: וְהִקְרִיב אֶת־קָרְבָּנוֹ לַיהוָה
כֶּבֶשׂ בֶּן־שְׁנָתוֹ תָמִים אֶחָד לְעֹלָה וְכַבְשָׂה אַחַת בַּת־
טו שְׁנָתָהּ תְּמִימָה לְחַטָּאת וְאַיִל־אֶחָד תָּמִים לִשְׁלָמִים: וְסַל

די פרוי איז ניט פאַראומרייניקט געוואָרן, און זי איז ריין, וועט זי בלייבן אומגעשאַט, און וועט אַנטפאַנגען זאָמען.

[29] דאָס איז דער דין פון אייפערזוכט: אַז אַ ווייב וועט אַראָפּגיין פון וועג הינטער איר מאַן, און וועט פאַראומרייניקט ווערן, [30] אָדער אַז אַ גייסט פון אייפערזוכט וועט קומען אויף אַ מאַן, און ער וועט ווערן אייפערזיכטיק אויף זיין ווייב, זאָל ער שטעלן די ווייב פאַר גאָט, און דער כהן זאָל טאָן צו איר דעמדאָזיקן דין. [31] און דער מאַן וועט זיין ריין פון זינד, און יענע פרוי וועט טראָגן איר זינד.

ו [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] רעד צו די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

אַז אַ מאַן אָדער אַ פרוי וועט קלאָר אַ נדר טאָן דעם נדר פון אַ נזיר, זיך אָפּצושיידן צו גאָט, [3] זאָל ער פון וויין און שטאַרקן געטראַנק זיך אָפּהאַלטן; עסיק פון וויין און עסיק פון שטאַרקן געטראַנק זאָל ער ניט טרינקען, און קיין זאַפט פון טרויבן זאָל ער ניט טרינקען; און טרויבן פרישע אָדער געטריקנטע זאָל ער ניט עסן. [4] אַלע טעג פון זיין נזירשאַפט זאָל ער פון אַלץ וואָס ווערט געמאַכט פון ווייַנשטאָק, פון קערנדלעך ביז אַ שאָלעכץ, ניט עסן. [5] אַלע טעג פון זיין נדר פון נזירשאַפט זאָל אַ גאָלמעסער ניט אַריבערגיין איבער זיין קאָפּ; ביז עס ווערן פול די טעג וואָס ער וועט זיך אָפּשיידן צו גאָט, זאָל ער זיין הייליק: לאָזן וואַקסן ווילד די האָר פון זיין קאָפּ. [6] אַלע טעג וואָס ער שיידט זיך אָפּ צו גאָט, זאָל ער צו דעם לייב פון אַ טויטן ניט צוגיין. [7] אָן זיין פאָטער און אָן זיין מוטער, אָן זיין ברודער און אָן זיין שוועסטער, אַפילו אָן זיי זאָל ער זיך ניט פאַראומרייניקן, אַז זיי שטאַרבן, ווארום די נזירשאַפט פון זיין גאָט איז אויף זיין קאָפּ. [8] אַלע טעג פון זיין נזירשאַפט איז ער הייליק צו גאָט. [9] און אַז עמיצער וועט שטאַרבן לעבן אים פלוצלינג אומגעריכט, און וועט פאַראומרייניקן זיין נזיר־קאָפּ, זאָל ער אָפּגאָלן זיין קאָפּ אין דעם טאָג וואָס ער ווערט ריין: אויפן זיבעטן טאָג זאָל ער אים אָפּגאָלן. [10] און אויפן אַכטן טאָג זאָל ער ברענגען צוויי טורטלטויבן, אָדער צוויי יונגע טויבן, צום כהן, צום אַיינגאַנג פון אוהל־מועד. [11] און דער כהן זאָל מאַכן איינע פאַר אַ זינדאָפּפער, און איינע פאַר אַ בראַנדאָפּפער, און מכפר זיין אויף אים פאַר וואָס ער האָט געזינדיקט אָן דעם טויטן; און ער זאָל הייליקן זיין קאָפּ אין יענעם טאָג. [12] און ער זאָל זיך אָפּשיידן צו גאָט די טעג פון זיין נזיר־שאַפט, און ברענגען אַ יאָריקן שעפּס פאַר אַ שולדאָפּפער, און די פריערדיקע טעג זאָלן אָפּפאַלן, ווארום זיין נזירשאַפט איז פאַראומרייניקט געוואָרן.

[13] און דאָס איז דער דין פון אַ נזיר: אין דעם טאָג וואָס די טעג פון זיין נזירשאַפט ווערן פול, זאָל מען אים ברענגען צום אַיינגאַנג פון אוהל־מועד; [14] און ער זאָל גענענען זיין קרבן צו גאָט, איין שעפּס אַ יאָריקן אָן אַ פעלער פאַר אַ בראַנדאָפּפער, און איין שאָף אַ יאָריקע אָן אַ פעלער פאַר אַ זינדאָפּפער, און איין ווידער אָן אַ פעלער פאַר אַ פרידאָפּפער,

15 און אַ קאָרב אומגעזייערטן ברויט, חלות פון זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, און אומגעזייערטע קוכנס באַשמירט מיט אייל, און זייער שפּייזאָפּפער און זייערע גיסאָפּפער. 16 און דער כּהן זאָל עס גענענען פאַר גאָט, און מאַכן זיין זינדאָפּפער און זיין בראַנדאָפּפער. 17 און דעם ווידער זאָל ער מאַכן אַ פרידאָפּפער צו גאָט, מיט דעם קאָרב אומגעזייערטן ברויט; און דער כּהן זאָל מאַכן זיין שפּייז־אָפּפער און זיין גיסאָפּפער. 18 און דער נזיר זאָל אָפּגאָלן ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד זיין נזיר־קאָפּ, און נעמען די האָר פון זיין נזיר־קאָפּ, און אַרויפטאָן אויף דעם פייער וואָס אונטערן פרידאָפּפער. 19 און דער כּהן זאָל נעמען די שולטער, אַ געקאָכטע, פון דעם ווידער, און איין אומ־געזייערטע חלה פון דעם קאָרב, און איין אומגעזייערטן קוכן, און אַרויפטאָן אויף דעם נזירס הענט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגעגאָלט זיינע נזיר־האָר. 20 און דער כּהן זאָל זיי אויפהייבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט; דאָס איז הייליק צום כּהן, מיט דער ברוסט פון אויפהייבונג, און מיט דעם שענקל פון אָפּשיידונג. און דערנאָך מעג דער נזיר טרינקען וויין.

21 דאָס איז דער דין פון דעם נזיר וואָס טוט אַ נדר, וועגן זיין קרבן צו גאָט פאַר זיין נזירשאַפט, אַחוץ וואָס זיין האַנט פאַרמאָגט [נאָך צוצוגעבן]; אַזוי ווי זיין נדר וואָס ער וועט אַ נדר טאָן, אַזוי מוז ער טאָן, לויט דעם דין פון זיין נזירשאַפט.

22 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 23 רעד צו אַהרנען און צו זיינע זין, אַזוי צו זאָגן: אַזוי זאָלט איר בענטשן די קינדער פון ישראל; זאָגט צו זיי:

24 גאָט זאָל דיך בענטשן,
און דיך היטן!
25 גאָט זאָל דערלייכטן זיין פּנים צו דיר,
און דיך לייטזעליקן!
26 גאָט זאָל אויפהייבן זיין פּנים צו דיר,
און דיר באַשערן שלום!

27 און זיי זאָלן אַרויפטאָן מיין נאָמען אויף די קינדער פון ישראל, און איך וועל זיי בענטשן.

מַצּוֹת סֹלֶת חַלֹּת בְּלוּלֹת בַּשֶּׁמֶן וּרְקִיקֵי מַצּוֹת מְשֻׁחִים
טז בַּשָּׁמֶן וּמִנְחָתָם וְנִסְכֵּיהֶם׃ וְהִקְרִיב הַכֹּהֵן לִפְנֵי יְהוָה וְעָשָׂה
יז אֶת־חַטָּאתוֹ וְאֶת־עֹלָתוֹ׃ וְאֶת־הָאַיִל יַעֲשֶׂה זֶבַח שְׁלָמִים
לַיהוָה עַל סַל הַמַּצּוֹת וְעָשָׂה הַכֹּהֵן אֶת־מִנְחָתוֹ וְאֶת־נִסְכּוֹ׃
יח וְגִלַּח הַנָּזִיר פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד אֶת־רֹאשׁ נִזְרוֹ וְלָקַח אֶת־
שְׂעַר רֹאשׁ נִזְרוֹ וְנָתַן עַל־הָאֵשׁ אֲשֶׁר־תַּחַת זֶבַח הַשְּׁלָמִים׃
יט וְלָקַח הַכֹּהֵן אֶת־הַזְּרֹעַ בְּשֵׁלָה מִן־הָאַיִל וְחַלַּת מַצָּה אַחַת
מִן־הַסַּל וּרְקִיק מַצָּה אֶחָד וְנָתַן עַל־כַּפֵּי הַנָּזִיר אַחַר
כ הִתְגַּלְּחוֹ אֶת־נִזְרוֹ׃ וְהֵנִיף אוֹתָם הַכֹּהֵן ׀ תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה
קֹדֶשׁ הוּא לַכֹּהֵן עַל חֲזֵה הַתְּנוּפָה וְעַל שׁוֹק הַתְּרוּמָה
כא וְאַחַר יִשְׁתֶּה הַנָּזִיר יָיִן׃ זֹאת תּוֹרַת הַנָּזִיר אֲשֶׁר יִדֹּר קָרְבָּנוֹ
לַיהוָה עַל־נִזְרוֹ מִלְּבַד אֲשֶׁר־תַּשִּׂיג יָדוֹ כְּפִי נִדְרוֹ אֲשֶׁר
יִדֹּר כֵּן יַעֲשֶׂה עַל תּוֹרַת נִזְרוֹ׃ פ
כב כג וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־בָּנָיו
לֵאמֹר כֹּה תְבָרְכוּ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר לָהֶם׃ ס
כד כה יְבָרֶכְךָ יְהוָה וְיִשְׁמְרֶךָ׃ ס יָאֵר יְהוָה ׀ פָּנָיו אֵלֶיךָ
כו וִיחֻנֶּךָּ׃ ס יִשָּׂא יְהוָה ׀ פָּנָיו אֵלֶיךָ וְיָשֵׂם לְךָ שָׁלוֹם׃ ס
כז וְשָׂמוּ אֶת־שְׁמִי עַל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַאֲנִי אֲבָרְכֵם׃ ס

ז

חמ׳ וַיְהִי בְּיוֹם כַּלּוֹת מֹשֶׁה לְהָקִים אֶת־הַמִּשְׁכָּן וַיִּמְשַׁח אֹתוֹ
וַיְקַדֵּשׁ אֹתוֹ וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו וְאֶת־הַמִּזְבֵּחַ וְאֶת־כָּל־כֵּלָיו
ב וַיִּמְשָׁחֵם וַיְקַדֵּשׁ אֹתָם׃ וַיַּקְרִיבוּ נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל רָאשֵׁי
בֵּית אֲבֹתָם הֵם נְשִׂיאֵי הַמַּטֹּת הֵם הָעֹמְדִים עַל־הַפְּקֻדִים׃
ג וַיָּבִיאוּ אֶת־קָרְבָּנָם לִפְנֵי יְהוָה שֵׁשׁ־עֶגְלֹת צָב וּשְׁנֵי עָשָׂר
בָּקָר עֲגָלָה עַל־שְׁנֵי הַנְּשִׂאִים וְשׁוֹר לְאֶחָד וַיַּקְרִיבוּ אוֹתָם
ד ה לִפְנֵי הַמִּשְׁכָּן׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ קַח מֵאִתָּם
וְהָיוּ לַעֲבֹד אֶת־עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד וְנָתַתָּה אוֹתָם אֶל־

ז, ב׳ ק׳ דסקי׳

ז 1 און עס איז געווען, אין דעם טאָג וואָס משה האָט געענדיקט אויפשטעלן דעם מִשכּן, און האָט אים געזאַלבט, און אים געהייליקט מיט אַלע זיינע כּלים, און דעם מזבח מיט אַלע זיינע כּלים—אַז ער האָט זיי געזאַלבט און זיי געהייליקט, 2 האָבן גענענט די פירשטן פון ישראל, די הויפּט פון זייערע פאָטערהייזער— זיי, די פירשטן פון די שבטים, זיי וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער ציילונגא; 3 און זיי האָבן געבראַכט זייער קרבן פאַר גאָט, זעקס צוגעדעקטע וועגן, און צוועלף רינדער: אַ וואָגן פאַר צוויי פירשטן, און אַן אָקס פאַר איטלעכן; און זיי האָבן זיי גענענט צום מִשכּן. 4 האָט גאָט געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 5 נעם צו פון זיי, און עס זאָל זיין אויף צו דינען דעם דינסט פון אוהל־מועד; און זאָלסט עס געבן צו

א זע א, 4.

ו הַלְוִיִּם אִישׁ כְּפִי עֲבֹדָתוֹ׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־הָעֲגָלֹת וְאֶת־
ז הַבָּקָר וַיִּתֵּן אוֹתָם אֶל־הַלְוִיִּם׃ אֵת ׀ שְׁתֵּי הָעֲגָלוֹת וְאֵת
ח אַרְבַּעַת הַבָּקָר נָתַן לִבְנֵי גֵרְשׁוֹן כְּפִי עֲבֹדָתָם׃ וְאֵת ׀
אַרְבַּע הָעֲגָלֹת וְאֵת שְׁמֹנַת הַבָּקָר נָתַן לִבְנֵי מְרָרִי כְּפִי
ט עֲבֹדָתָם בְּיַד אִיתָמָר בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן׃ וְלִבְנֵי קְהָת לֹא
י נָתָן כִּי־עֲבֹדַת הַקֹּדֶשׁ עֲלֵהֶם בַּכָּתֵף יִשָּׂאוּ׃ וַיַּקְרִיבוּ
הַנְּשִׂאִים אֵת חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ בְּיוֹם הִמָּשַׁח אֹתוֹ וַיַּקְרִיבוּ
יא הַנְּשִׂיאִם אֶת־קָרְבָּנָם לִפְנֵי הַמִּזְבֵּחַ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־
מֹשֶׁה נָשִׂיא אֶחָד לַיּוֹם נָשִׂיא אֶחָד לַיּוֹם יַקְרִיבוּ אֶת־
יב קָרְבָּנָם לַחֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ׃ ס וַיְהִי הַמַּקְרִיב בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן
יג אֶת־קָרְבָּנוֹ נַחְשׁוֹן בֶּן־עַמִּינָדָב לְמַטֵּה יְהוּדָה׃ וְקָרְבָּנוֹ
קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד
כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀ מְלֵאִים סֹלֶת
יד בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה
טו קְטֹרֶת׃ פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־אֶחָד בֶּן־שְׁנָתוֹ
טז יז לְעֹלָה׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר
שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתּוּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן נַחְשׁוֹן בֶּן־עַמִּינָדָב׃ פ
יח יט בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי הִקְרִיב נְתַנְאֵל בֶּן־צוּעָר נְשִׂיא יִשָּׂשכָר׃ הִקְרִב
אֶת־קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ
מִזְרָק אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀
כ מְלֵאִים סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה
כא זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת׃ פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־
כב כג אֶחָד בֶּן־שְׁנָתוֹ לְעֹלָה׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח
הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים
בְּנֵי־שָׁנָה חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן נְתַנְאֵל בֶּן־צוּעָר׃ פ
כד כה בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי נָשִׂיא לִבְנֵי זְבוּלֻן אֱלִיאָב בֶּן־חֵלֹן׃ קָרְבָּנוֹ
קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד

די לוִיִם, איטלעכן לויט זיין דינסט. 6 האָט משה גענומען די וועגן און די רינדער, און האָט זיי געגעבן צו די לוִיִם. 7 צוויי וועגן און פיר רינדער האָט ער געגעבן צו די קינדער פון גרשון, לויט זייער דינסט. 8 און פיר וועגן און אַכט רינדער האָט ער געגעבן צו די קינדער פון מְרָרִי, לויט זייער דינסט אונטער דער האַנט פון איתָמָר דעם זון פון אַהרן דעם כּהן. 9 אָבער צו די קינדער פון קהָת האָט ער גאָרנישט געגעבן, וואָרום דער דינסט פון די הייליקע זאַכן איז געווען אויף זיי; אויפן אַקסל האָבן זיי געדאַרפט טראָגן.

10 און די פירשטן האָבן געבראַכט די באַנייאונג פון מזבח אין דעם טאָג וואָס ער איז געזאַלבט געוואָרן–די פירשטן האָבן געבראַכט זייער קרבן פאַר דעם מזבח. 11 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: צו איין פירשט אַ טאָג, צו איין פירשט אַ טאָג, זאָלן זיי ברענגען זייער קרבן פאַר דער באַנייאונג פון מזבח.

12 און דער וואָס האָט געבראַכט זיין קרבן דעם ערשטן טאָג איז געווען נַחשון דער זון פון עַמינָדָבן, פון שבט יהודה. 13 און זיין קרבן איז געווען: איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶׁקל, איין זילבערנער שפּרענגבעקן פון זיבעציק שֶׁקל, אויפן הייליקן שֶׁקל; ביידע פול מיט זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייזאָפּפער; 14 איין גילדערנע שאָל פון צען שֶׁקל, פול מיט ווייִרויך; 15 איין יונגער אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקער, פאַר אַ בראַנדאָפּפער; 16 איין ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפער; 17 און פאַר אַ פרידאָפּפער, צוויי רינדער, פינף ווידערס, פינף בעק, פינף שעפּסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פון נַחשון דעם זון פון עַמינָדָבן.

18 אויפן צווייטן טאָג האָט געבראַכט נתַנאֵל דער זון פון צוּעָרן, דער פירשט פון יִשָׂשכָר. 19 ער האָט געבראַכט פאַר זיין קרבן איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶׁקל, איין זילבערנעם שפּרענגבעקן פון זיבעציק שֶׁקל, אויפן הייליקן שֶׁקל; ביידע פול מיט זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייזאָפּפער; 20 איין גילדערנע שאָל פון צען שֶׁקל, פול מיט ווייִרויך; 21 איין יונגן אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקן, פאַר אַ בראַנדאָפּפער; 22 איין ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפער; 23 און פאַר אַ פרידאָפּפער, צוויי רינדער, פינף ווידערס, פינף בעק, פינף שעפּסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פון נתַנאֵל דעם זון פון צוּעָרן.

24 אויפן דריטן טאָג, דער פירשט פון די קינדער פון זבולון, אֱליאָב דער זון פון חֵלונען. 25 זיין קרבן איז געווען: איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶׁקל, איין זילבערנער שפּרענגבעקן

פון זיבעציק שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל; ביידע פול מיט זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייזאָפּפער; 26 איין גילדערנע שאָל פון צען שֶקל, פול מיט ווייִרויך; 27 איין יונגער אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקער, פאַר אַ בראַנדאָפּפער; 28 איין ציגנבאָק פאַר אַ זינד־אָפּפער; 29 און פאַר אַ פרידאָפּפער, צוויי רינדער, פינף ווידערס, פינף בעק, פינף שעפּסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פון אֶליאָב דעם זון פון חֵלוֹנען.

30 אויפן פירטן טאָג, דער פירשט פון די קינדער פון ראובן, אֶליצור דער זון פון שדֵיאורן. 31 זיין קרבן איז געווען: איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶקל, איין זילבערנער שפּרענג־בעקן פון זיבעציק שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל; ביידע פול מיט זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייזאָפּפער; 32 איין גילדערנע שאָל פון צען שֶקל, פול מיט ווייִרויך; 33 איין יונגער אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקער, פאַר אַ בראַנדאָפּפער; 34 איין ציגנבאָק פאַר אַ זינד־אָפּפער; 35 און פאַר אַ פרידאָפּפער, צוויי רינדער, פינף ווידערס, פינף בעק, פינף שעפּסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פון אֶליצור דעם זון פון שדֵיאורן.

36 אויפן פינפטן טאָג, דער פירשט פון די קינדער פון שמעון, שלומיאֵל דער זון פון צורישדַין. 37 זיין קרבן איז געווען: איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶקל, איין זילבערנער שפּרענגבעקן פון זיבעציק שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל; ביידע פול מיט זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייזאָפּפער; 38 איין גילדערנע שאָל פון צען שֶקל, פול מיט ווייִרויך; 39 איין יונגער אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקער פאַר אַ בראַנדאָפּפער; 40 איין ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפער; 41 און פאַר אַ פרידאָפּפער, צוויי רינדער, פינף ווידערס, פינף בעק, פינף שעפּסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פון שלומיאֵל דעם זון פון צורישדַין.

42 אויפן זעקסטן טאָג, דער פירשט פון די קינדער פון גָד, אֶליָסָף דער זון פון דְעוּאֵלן. 43 זיין קרבן איז געווען: איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶקל, איין זילבערנער שפּרענגבעקן פון זיבעציק שֶקל, אויפן הייליקן שֶקל; ביידע פול מיט זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייזאָפּפער; 44 איין גילדערנע שאָל פון צען שֶקל, פול מיט ווייִרויך; 45 איין יונגער אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקער, פאַר אַ בראַנדאָפּפער; 46 איין ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפער; 47 און פאַר אַ פרידאָפּפער, צוויי רינדער, פינף ווידערס,

כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀ מְלֵאִים סֹלֶת
כו בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה
כז קְטֹרֶת׃ פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־אֶחָד בֶּן־
כח כט שְׁנָתוֹ לְעֹלָה׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים
בָּקָר שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֱלִיאָב בֶּן־חֵלֹן׃ פ
ל בַּיּוֹם הָרְבִיעִי נָשִׂיא לִבְנֵי רְאוּבֵן אֱלִיצוּר בֶּן־שְׁדֵיאוּר׃
לא קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק
אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀ מְלֵאִים
לב סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה
לג קְטֹרֶת׃ פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־אֶחָד בֶּן־שְׁנָתוֹ
לד לה לְעֹלָה׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר
שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֱלִיצוּר בֶּן־שְׁדֵיאוּר׃ פ
לו בַּיּוֹם הַחֲמִישִׁי נָשִׂיא לִבְנֵי שִׁמְעוֹן שְׁלֻמִיאֵל בֶּן־צוּרִישַׁדָּי׃
לז קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק
אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀ מְלֵאִים
לח סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה
לט קְטֹרֶת׃ פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־אֶחָד בֶּן־שְׁנָתוֹ
מ מא לְעֹלָה׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר
שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן שְׁלֻמִיאֵל בֶּן־צוּרִישַׁדָּי׃ פ
שש׳ מב בַּיּוֹם הַשִּׁשִּׁי נָשִׂיא לִבְנֵי גָד אֶלְיָסָף בֶּן־דְּעוּאֵל׃ קָרְבָּנוֹ
קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד
כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀ מְלֵאִים סֹלֶת
מד בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה קְטֹרֶת׃
מה פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־אֶחָד בֶּן־שְׁנָתוֹ לְעֹלָה׃
מו מז שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר שְׁנַיִם

אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה חֲמִשָּׁה
זֶה קָרְבַּן אֶלְיָסָף בֶּן־דְּעוּאֵל׃ פ
מח בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי נָשִׂיא לִבְנֵי אֶפְרָיִם אֱלִישָׁמָע בֶּן־עַמִּיהוּד׃
מט קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק
אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀ מְלֵאִים
נ סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה
נא קְטֹרֶת׃ פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־אֶחָד בֶּן־שְׁנָתוֹ
נב נג לְעֹלָה׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר
שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֱלִישָׁמָע בֶּן־עַמִּיהוּד׃ פ
נד בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי נָשִׂיא לִבְנֵי מְנַשֶּׁה גַּמְלִיאֵל בֶּן־פְּדָהצוּר׃
נה קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק
אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀ מְלֵאִים
נו סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה
נז קְטֹרֶת׃ פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־אֶחָד בֶּן־שְׁנָתוֹ
נח נט לְעֹלָה׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר
שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן גַּמְלִיאֵל בֶּן־פְּדָהצוּר׃ פ
ס סא בַּיּוֹם הַתְּשִׁיעִי נָשִׂיא לִבְנֵי בִנְיָמִן אֲבִידָן בֶּן־גִּדְעֹנִי׃ קָרְבָּנוֹ
קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד
כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀ מְלֵאִים סֹלֶת
סב בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה
סג קְטֹרֶת׃ פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־אֶחָד בֶּן־שְׁנָתוֹ
סד סה לְעֹלָה׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר
שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֲבִידָן בֶּן־גִּדְעֹנִי׃ פ
סו סז בַּיּוֹם הָעֲשִׂירִי נָשִׂיא לִבְנֵי דָן אֲחִיעֶזֶר בֶּן־עַמִּישַׁדָּי׃ קָרְבָּנוֹ
קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק אֶחָד

פינף בעק, פינף שעפסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פון אֶלְיָסָף דעם זון פון דְעוּאֵלן.

[48] אויפן זיבעטן טאָג, דער פירשט פון די קינדער פון אפרים, אֱלִישָׁמָע דער זון פון עַמִיהודן. [49] זיין קרבן איז געווען: איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶׁקל, איין זילבערנער שפּרענג־בעקן פון זיבעציק שֶׁקל, אויפן הייליקן שֶׁקל; ביידע פול מיט זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייזאָפּפער; [50] איין גילדערנע שאָל פון צען שֶׁקל, פול מיט ווייררויך; [51] איין יונגער אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקער, פאַר אַ בראַנדאָפּפער; [52] איין ציגנבאָק פאַר אַ זינד־אָפּפער; [53] און פאַר אַ פרידאָפּפער, צוויי רינדער, פינף ווידערס, פינף בעק, פינף שעפסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פון אֱלִישָׁמָע דעם זון פון עַמִיהודן.

[54] אויפן אַכטן טאָג, דער פירשט פון די קינדער פון מנשה, גַמְלִיאֵל דער זון פון פְדָהצורן. [55] זיין קרבן איז געווען: איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶׁקל, איין זילבערנער שפּרענג־בעקן פון זיבעציק שֶׁקל, אויפן הייליקן שֶׁקל; ביידע פול מיט זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייזאָפּפער; [56] איין גילדערנע שאָל פון צען שֶׁקל, פול מיט ווייררויך; [57] איין יונגער אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקער, פאַר אַ בראַנדאָפּפער; [58] איין ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפער; [59] און פאַר אַ פרידאָפּפער, צוויי רינדער, פינף ווידערס, פינף בעק, פינף שעפסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פון גַמְלִיאֵל דעם זון פון פְדָהצורן.

[60] אויפן ניינטן טאָג, דער פירשט פון די קינדער פון בנימין, אֲבִידָן דער זון פון גִדְעוֹנִין. [61] זיין קרבן איז געווען: איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶׁקל, איין זילבערנער שפּרענגבעקן פון זיבעציק שֶׁקל, אויפן הייליקן שֶׁקל; ביידע פול מיט זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, פאַר אַ שפּייזאָפּפער; [62] איין גילדערנע שאָל פון צען שֶׁקל, פול מיט ווייררויך; [63] איין יונגער אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקער, פאַר אַ בראַנדאָפּפער; [64] איין ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפער; [65] און פאַר אַ פרידאָפּפער, צוויי רינדער, פינף ווידערס, פינף בעק, פינף שעפסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פון אֲבִידָן דעם זון פון גִדְעוֹנִין.

[66] אויפן צענטן טאָג, דער פירשט פון די קינדער פון דָן, אֲחִיעֶזֶר דער זון פון עַמִישַׁדָין. [67] זיין קרבן איז געווען: איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶׁקל, איין זילבערנער שפּרענגבעקן פון

כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀ מְלֵאִים סֹלֶת
סח בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה
סט קְטֹרֶת׃ פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־אֶחָד בֶּן־שְׁנָתוֹ
ע עא לְעֹלָה׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר
שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֲחִיעֶזֶר בֶּן־עַמִּישַׁדָּי׃ פ
עב בְּיוֹם עַשְׁתֵּי עָשָׂר יוֹם נָשִׂיא לִבְנֵי אָשֵׁר פַּגְעִיאֵל בֶּן־עָכְרָן׃
עג קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק
אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀ מְלֵאִים
עד סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה
עה קְטֹרֶת׃ פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־אֶחָד בֶּן־שְׁנָתוֹ
עו עז לְעֹלָה׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר
שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן פַּגְעִיאֵל בֶּן־עָכְרָן׃ פ
עח בְּיוֹם שְׁנֵים עָשָׂר יוֹם נָשִׂיא לִבְנֵי נַפְתָּלִי אֲחִירַע בֶּן־עֵינָן׃
עט קָרְבָּנוֹ קַעֲרַת־כֶּסֶף אַחַת שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה מִשְׁקָלָהּ מִזְרָק
אֶחָד כֶּסֶף שִׁבְעִים שֶׁקֶל בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ שְׁנֵיהֶם ׀ מְלֵאִים
פ סֹלֶת בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לְמִנְחָה׃ כַּף אַחַת עֲשָׂרָה זָהָב מְלֵאָה
פא קְטֹרֶת׃ פַּר אֶחָד בֶּן־בָּקָר אַיִל אֶחָד כֶּבֶשׂ־אֶחָד בֶּן־שְׁנָתוֹ
פב פג לְעֹלָה׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד לְחַטָּאת׃ וּלְזֶבַח הַשְּׁלָמִים בָּקָר
שְׁנַיִם אֵילִם חֲמִשָּׁה עַתֻּדִים חֲמִשָּׁה כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
חֲמִשָּׁה זֶה קָרְבַּן אֲחִירַע בֶּן־עֵינָן׃ פ
שב׳ זֹאת ׀ חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ בְּיוֹם הִמָּשַׁח אֹתוֹ מֵאֵת נְשִׂיאֵי יִשְׂרָאֵל
קַעֲרֹת כֶּסֶף שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה מִזְרְקֵי־כֶסֶף שְׁנֵים עָשָׂר כַּפּוֹת
פה זָהָב שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה׃ שְׁלֹשִׁים וּמֵאָה הַקְּעָרָה הָאַחַת כֶּסֶף
וְשִׁבְעִים הַמִּזְרָק הָאֶחָד כֹּל כֶּסֶף הַכֵּלִים אַלְפַּיִם וְאַרְבַּע־
פו מֵאוֹת בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ׃ כַּפּוֹת זָהָב שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה מְלֵאֹת
קְטֹרֶת עֲשָׂרָה עֲשָׂרָה הַכַּף בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ כָּל־זְהַב הַכַּפּוֹת

זיבעציק שֶקל, אויפֿן הייליקן שֶקל; ביידע פֿול מיט זעמלמעל פֿאַרמישט מיט אייל, פֿאַר אַ שפּייזאָפּפֿער; 68 איין גילדערנע שאָל פֿון צען שֶקל, פֿול מיט ווייררויך; 69 איין יונגער אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקער, פֿאַר אַ בראַנדאָפּפֿער; 70 איין ציגנבאָק פֿאַר אַ זינד־אָפּפֿער; 71 און פֿאַר אַ פֿרידאָפּפֿער, צוויי רינדער, פֿינף ווידערס, פֿינף בעק, פֿינף שעפּסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פֿון אחיעֶזֶר דעם זון פֿון עמישַדַין.

72 אויפֿן עלפֿטן טאָג, דער פֿירשט פֿון די קינדער פֿון אָשֵר, פַּגעִיאֵל דער זון פֿון עָכרָנען. 73 זיין קרבן איז געווען: איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶקל, איין זילבערנער שפּרענג־בעקן פֿון זיבעציק שֶקל, אויפֿן הייליקן שֶקל; ביידע פֿול מיט זעמלמעל פֿאַרמישט מיט אייל, פֿאַר אַ שפּייזאָפּפֿער; 74 איין גילדערנע שאָל פֿון צען שֶקל, פֿול מיט ווייררויך; 75 איין יונגער אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקער, פֿאַר אַ בראַנדאָפּפֿער; 76 איין ציגנבאָק פֿאַר אַ זינד־אָפּפֿער; 77 און פֿאַר אַ פֿרידאָפּפֿער, צוויי רינדער, פֿינף ווידערס, פֿינף בעק, פֿינף שעפּסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פֿון פַּגעִיאֵל דעם זון פֿון עָכרָנען.

78 אויפֿן צוועלפֿטן טאָג, דער פֿירשט פֿון די קינדער פֿון נפֿתּלי, אֲחִירַע דער זון פֿון עֵינָנען. 79 זיין קרבן איז געווען: איין זילבערנע שיסל וואָס איר וואָג איז געווען הונדערט און דרייסיק שֶקל, איין זילבערנער שפּרענגבעקן פֿון זיבעציק שֶקל, אויפֿן הייליקן שֶקל; ביידע פֿול מיט זעמלמעל פֿאַרמישט מיט אייל, פֿאַר אַ שפּייזאָפּפֿער; 80 איין גילדערנע שאָל פֿון צען שֶקל, פֿול מיט ווייררויך; 81 איין יונגער אָקס, איין ווידער, איין שעפּס אַ יאָריקער, פֿאַר אַ בראַנדאָפּפֿער; 82 איין ציגנבאָק פֿאַר אַ זינדאָפּפֿער; 83 און פֿאַר אַ פֿרידאָפּפֿער, צוויי רינדער, פֿינף ווידערס, פֿינף בעק, פֿינף שעפּסן יאָריקע. דאָס איז דער קרבן פֿון אֲחִירַע דעם זון פֿון עֵינָנען.

84 דאָס איז געווען די באַנייאונג פֿון דעם מזבח, אין דעם טאָג וואָס ער איז געזאַלבט געוואָרן, פֿון די פֿירשטן פֿון ישׂראל: צוועלף זילבערנע שיסלען, צוועלף זילבערנע שפּרענגבעקנס, צוועלף גילדערנע שאָלן; 85 איטלעכע שיסל הונדערט און דרייסיק [שֶקל] זילבער, און איטלעכער שפּרענגבעקן זיבעציק; דאָס גאַנצע זילבער פֿון די כּלים, צוויי טויזנט און פֿיר הונדערט, אויפֿן הייליקן שֶקל. 86 צוועלף גילדערנע שאָלן פֿול מיט ווייררויך, צו צען, צו צען [שֶקל] אַ שאָל, אויפֿן

עֶשְׂרִים וּמֵאָה׃ כָּל־הַבָּקָר לָעֹלָה שְׁנֵים עָשָׂר פָּרִים אֵילִם פז
שְׁנֵים־עָשָׂר כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה שְׁנֵים עָשָׂר וּמִנְחָתָם וּשְׂעִירֵי
עִזִּים שְׁנֵים עָשָׂר לְחַטָּאת׃ וְכֹל בְּקַר ׀ זֶבַח הַשְּׁלָמִים עֶשְׂרִים פח
וְאַרְבָּעָה פָּרִים אֵילִם שִׁשִּׁים עַתֻּדִים שִׁשִּׁים כְּבָשִׂים בְּנֵי־
שָׁנָה שִׁשִּׁים זֹאת חֲנֻכַּת הַמִּזְבֵּחַ אַחֲרֵי הִמָּשַׁח אֹתוֹ׃ וּבְבֹא פט
מֹשֶׁה אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד לְדַבֵּר אִתּוֹ וַיִּשְׁמַע אֶת־הַקּוֹל מִדַּבֵּר
אֵלָיו מֵעַל הַכַּפֹּרֶת אֲשֶׁר עַל־אֲרֹן הָעֵדֻת מִבֵּין שְׁנֵי הַכְּרֻבִים
וַיְדַבֵּר אֵלָיו׃ פ

הייליקן שֶקל; דאָס גאַנצע גאָלד פון די שאָלן, הונדערט און צוואַנציק. [87] אַלע רינדער פאַר בראַנדאָפּפער: צוועלף אָקסן; ווידערס צוועלף; שעפּסן יאָריקע צוועלף, מיט זייער שפּייזאָפּפער, און ציגנבעק צוועלף, פאַר זינד־אָפּפער. [88] און אַלע רינדער פאַר פרידאָפּפער: פיר און צוואַנציק אָקסן; ווידערס זעכציק, בעק זעכציק, שעפּסן יאָריקע זעכציק. דאָס איז געווען די באַנייאונג פון דעם מזבח נאָכדעם ווי ער איז געזאַלבט געוואָרן.

[89] און אַז משה איז געקומען אין אוהל־מועד כדי [גאָט] זאָל רעדן מיט אים, האָט ער געהערט דעם קָול רעדן צו אים פון איבער דעם דעק וואָס אויפן אָרון פון געזעץ, פון צווישן די צוויי כרובים; אַזוי האָט ער גערעדט צו אים.

# בְּהַעֲלֹתְךָ

ח

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ א ב
אֵלָיו בְּהַעֲלֹתְךָ אֶת־הַנֵּרֹת אֶל־מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה יָאִירוּ שִׁבְעַת
הַנֵּרוֹת׃ וַיַּעַשׂ כֵּן אַהֲרֹן אֶל־מוּל פְּנֵי הַמְּנוֹרָה הֶעֱלָה נֵרֹתֶיהָ ג
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וְזֶה מַעֲשֵׂה הַמְּנֹרָה מִקְשָׁה ד
זָהָב עַד־יְרֵכָהּ עַד־פִּרְחָהּ מִקְשָׁה הִוא כַּמַּרְאֶה אֲשֶׁר הֶרְאָה
יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשָׂה אֶת־הַמְּנֹרָה׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ קַח אֶת־הַלְוִיִּם מִתּוֹךְ בְּנֵי ה ו
יִשְׂרָאֵל וְטִהַרְתָּ אֹתָם׃ וְכֹה־תַעֲשֶׂה לָהֶם לְטַהֲרָם הַזֵּה ז
עֲלֵיהֶם מֵי חַטָּאת וְהֶעֱבִירוּ תַעַר עַל־כָּל־בְּשָׂרָם וְכִבְּסוּ
בִגְדֵיהֶם וְהִטֶּהָרוּ׃ וְלָקְחוּ פַּר בֶּן־בָּקָר וּמִנְחָתוֹ סֹלֶת בְּלוּלָה ח
בַשָּׁמֶן וּפַר־שֵׁנִי בֶן־בָּקָר תִּקַּח לְחַטָּאת׃ וְהִקְרַבְתָּ אֶת־ ט
הַלְוִיִּם לִפְנֵי אֹהֶל מוֹעֵד וְהִקְהַלְתָּ אֶת־כָּל־עֲדַת בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל׃ וְהִקְרַבְתָּ אֶת־הַלְוִיִּם לִפְנֵי יְהוָה וְסָמְכוּ בְנֵי־ י
יִשְׂרָאֵל אֶת־יְדֵיהֶם עַל־הַלְוִיִּם׃ וְהֵנִיף אַהֲרֹן אֶת־הַלְוִיִּם יא
תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהָיוּ לַעֲבֹד אֶת־
עֲבֹדַת יְהוָה׃ וְהַלְוִיִּם יִסְמְכוּ אֶת־יְדֵיהֶם עַל רֹאשׁ הַפָּרִים יב
וַעֲשֵׂה אֶת־הָאֶחָד חַטָּאת וְאֶת־הָאֶחָד עֹלָה לַיהוָה לְכַפֵּר
עַל־הַלְוִיִּם׃ וְהַעֲמַדְתָּ אֶת־הַלְוִיִּם לִפְנֵי אַהֲרֹן וְלִפְנֵי בָנָיו יג

ח [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] רעד צו אַהרנען און זאָלסט זאָגן צו אים: אַז דו צינדסט אָן די ליכט זאָלן די זיבן רערלעך לייכטן פאָרנט צו פון דער מנורה. [3] און אַהרן האָט אַזוי געטאָן: ער האָט אָנגעצונדן די רערלעך פאָרנט צו פון דער מנורה, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[4] און אַזוי איז געווען די אַרבעט פון דער מנורה: געהאַמערט פון גאָלד; ביז אויף איר פוסגעשטעל, ביז אויף אירע בלומען, איז זי געווען געהאַמערט; אַזוי ווי די זעאונג וואָס גאָט האָט באַוויזן משהן, אַזוי האָט ער געמאַכט די מנורה.

[5] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [6] נעם די לוִיִים פון צווישן די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זיי רייניקן. [7] און אַזוי זאָלסטו טאָן צו זיי, זיי צו רייניקן: שפּריץ אויף זיי וואַסער פון רייניקונג, און זיי זאָלן אַריבערפירן אַ גאָלמעסער איבער זייער גאַנצן לייב, און וואַשן זייערע קליידער, און זיך רייניקן. [8] און זיי זאָלן נעמען אַ יונגען אָקס, און דאָס שפּייזאָפּפער דערצו פון זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל; און אַ צווייטן יונגן אָקס זאָלסטו נעמען פאַר אַ זינדאָפּפער. [9] און זאָלסט מאַכן גענענען די לוִיִים פאַרן אוהל־מועד; און זאָלסט איינזאַמלען די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישראל. [10] און זאָלסט מאַכן גענענען די לוִיִים פאַר גאָט, און די קינדער פון ישראל זאָלן אָנלענען זייערע הענט אויף די לוִיִים. [11] און אַהרן זאָל אויפהייבן די לוִיִים אַן אויפהייבונג פאַר גאָט פון די קינדער פון ישראל, כדי זיי זאָלן זיין אויף צו דינען דעם דינסט פון גאָט. [12] און די לוִיִים זאָלן אָנלענען זייערע הענט אויפן קאָפּ פון די אָקסן; און מאַך איינעם אַ זינדאָפּפער און איינעם אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט, מכפּר צו זיין אויף די לוִיִים. [13] און זאָלסט שטעלן די לוִיִים פאַר אַהרנען און פאַר זיינע זין,

יד וְהֵנַפְתָּ אֹתָם תְּנוּפָה לַיהוָה: וְהִבְדַּלְתָּ אֶת־הַלְוִיִּם מִתּוֹךְ
שני בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהָיוּ לִי הַלְוִיִּם: וְאַחֲרֵי־כֵן יָבֹאוּ הַלְוִיִּם
לַעֲבֹד אֶת־אֹהֶל מוֹעֵד וְטִהַרְתָּ אֹתָם וְהֵנַפְתָּ אֹתָם תְּנוּפָה:
טז כִּי נְתֻנִים נְתֻנִים הֵמָּה לִי מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תַּחַת פִּטְרַת
יז כָּל־רֶחֶם בְּכוֹר כֹּל מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל לָקַחְתִּי אֹתָם לִי: כִּי
לִי כָל־בְּכוֹר בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה בְּיוֹם הַכֹּתִי
יח כָל־בְּכוֹר בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם הִקְדַּשְׁתִּי אֹתָם לִי: וָאֶקַּח אֶת־
יט הַלְוִיִּם תַּחַת כָּל־בְּכוֹר בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל: וָאֶתְּנָה אֶת־
הַלְוִיִּם נְתֻנִים | לְאַהֲרֹן וּלְבָנָיו מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַעֲבֹד
אֶת־עֲבֹדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּאֹהֶל מוֹעֵד וּלְכַפֵּר עַל־בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל וְלֹא יִהְיֶה בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נֶגֶף בְּגֶשֶׁת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
כ אֶל־הַקֹּדֶשׁ: וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן וְכָל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
לַלְוִיִּם כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה לַלְוִיִּם כֵּן־עָשׂוּ
כא לָהֶם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל: וַיִּתְחַטְּאוּ הַלְוִיִּם וַיְכַבְּסוּ בִּגְדֵיהֶם
וַיָּנֶף אַהֲרֹן אֹתָם תְּנוּפָה לִפְנֵי יְהוָה וַיְכַפֵּר עֲלֵיהֶם אַהֲרֹן
כב לְטַהֲרָם: וְאַחֲרֵי־כֵן בָּאוּ הַלְוִיִּם לַעֲבֹד אֶת־עֲבֹדָתָם בְּאֹהֶל
מוֹעֵד לִפְנֵי אַהֲרֹן וְלִפְנֵי בָנָיו כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה
כג עַל־הַלְוִיִּם כֵּן עָשׂוּ לָהֶם: ס וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
כד לֵּאמֹר: זֹאת אֲשֶׁר לַלְוִיִּם מִבֶּן חָמֵשׁ וְעֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה
כה יָבוֹא לִצְבֹא צָבָא בַּעֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד: וּמִבֶּן חֲמִשִּׁים
כו שָׁנָה יָשׁוּב מִצְּבָא הָעֲבֹדָה וְלֹא יַעֲבֹד עוֹד: וְשֵׁרֵת אֶת־
אֶחָיו בְּאֹהֶל מוֹעֵד לִשְׁמֹר מִשְׁמֶרֶת וַעֲבֹדָה לֹא יַעֲבֹד כָּכָה
תַּעֲשֶׂה לַלְוִיִּם בְּמִשְׁמְרֹתָם: פ

ט

של׳ וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בְמִדְבַּר־סִינַי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית
ב לְצֵאתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן לֵאמֹר: וְיַעֲשׂוּ
ג בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַפָּסַח בְּמוֹעֲדוֹ: בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר־יוֹם

ט, ב׳ קמץ בטרחא

און זיי אויפהייבן אַן אויפהייבונג צו גאָט. [14] און זאָלסט אָפּשיידן די לוִיִם פון צווישן די קינדער פון ישׂראל, און די לוִיִם זאָלן געהערן צו מיר. [15] און דערנאָך זאָלן קומען די לוִיִם צו באַדינען דעם אוהל־מועד; און זאָלסט זיי רייניקן, און זיי אויפהייבן אַן אויפהייבונג. [16] וואָרום אָפּגעגעבן זיינען זיי אָפּגעגעבן צו מיר פון צווישן די קינדער פון ישׂראל; אָנשטאָט איטלעכן וואָס עפנט דעם טראַכט, איטלעכן בכור פון די קינדער פון ישׂראל, האָב איך זיי גענומען פאַר מיר. [17] וואָרום צו מיר געהערט איטלעכער בכור צווישן די קינדער פון ישׂראל, פון אַ מענטשן אָדער פון אַ בהמה; אין דעם טאָג וואָס איך האָב דערשלאָגן אַלע בכורים אין לאַנד מצרַיִם, האָב איך זיי געהייליקט צו מיר. [18] און איך האָב גענומען די לוִיִם אָנשטאָט אַלע בכורים צווישן די קינדער פון ישׂראל. [19] און איך האָב געגעבן די לוִיִם אָפּגעגעבענע צו אַהרנען און צו זיינע קינדער פון צווישן די קינדער פון ישׂראל, צו דינען דעם דינסט פון די קינדער פון ישׂראל אין אוהל־מועד, און מכפּר צו זיין אויף די קינדער פון ישׂראל, כּדי עס זאָל ניט זיין צווישן די קינדער פון ישׂראל אַ פּלאָג, אַז די קינדער פון ישׂראל וועלן גענענען צום הייליקטום.

[20] און משה און אַהרן און די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישׂראל האָבן אַזוי געטאָן צו די לוִיִם; אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן וועגן די לוִיִם, אַזוי האָבן די קינדער פון ישׂראל צו זיי געטאָן. [21] און די לוִיִם האָבן זיך גערייניקט, און האָבן געוואַשן זייערע קליידער; און אַהרן האָט זיי אויפגעהייבן אַן אויפהייבונג פאַר גאָט, און אַהרן האָט מכפּר געווען אויף זיי, כּדי זיי צו רייניקן. [22] און דערנאָך זיינען געקומען די לוִיִם צו דינען זייער דינסט אין אוהל־מועד, אונטער אַהרנען און אונטער זיינע זין; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן וועגן די לוִיִם, אַזוי האָבן זיי צו זיי געטאָן.

[23] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [24] דאָס איז וועגן די לוִיִם: פון פינף און צוואַנציק יאָר אַלט און העכער זאָל ער קומען צו דינען דעם דינסט ביי דער אַרבעט פון אוהל־מועד. [25] און נאָך פופציק יאָר אַלט זאָל ער זיך אומקערן פון דעם אַרבעטדינסט, און מער ניט דינען. [26] נאָר ער זאָל אונטערהעלפן זיינע ברידער אין אוהל־מועד צו היטן די היטונג, אָבער קיין דינסט זאָל ער מער ניט דינען. אַזוי זאָלסטו טאָן מיט די לוִיִם אין זייערע היטונגען.

ט [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן אין מדבר סיני, אין צווייטן יאָר נאָך זייער אַרויסגיין פון לאַנד מצרַיִם, אין ערשטן חודש, אַזוי צו זאָגן: [2] די קינדער פון ישׂראל זאָלן מאַכן דעם קרבן־פּסח אין זיין געשטעלטער צייט. [3] אין פערצנטן

בַּחֹ֨דֶשׁ הַזֶּ֜ה בֵּ֧ין הָֽעֲרְבַּ֛יִם תַּעֲשׂ֥וּ אֹת֖וֹ בְּמֹֽעֲד֑וֹ כְּכָל־חֻקֹּתָ֥יו
וּכְכָל־מִשְׁפָּטָ֖יו תַּעֲשׂ֥וּ אֹתֽוֹ׃ וַיְדַבֵּ֥ר מֹשֶׁ֛ה אֶל־בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵ֖ל ד
לַעֲשֹׂ֥ת הַפָּֽסַח׃ וַיַּעֲשׂ֣וּ אֶת־הַפֶּ֡סַח בָּרִאשׁ֡וֹן בְּאַרְבָּעָה֩ עָשָׂ֨ר ה
י֥וֹם לַחֹ֛דֶשׁ בֵּ֥ין הָעַרְבַּ֖יִם בְּמִדְבַּ֣ר סִינָ֑י כְּ֠כֹל אֲשֶׁ֨ר צִוָּ֤ה יְהוָה֙
אֶת־מֹשֶׁ֔ה כֵּ֖ן עָשׂ֥וּ בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיְהִ֣י אֲנָשִׁ֗ים אֲשֶׁ֨ר הָי֤וּ ו
טְמֵאִים֙ לְנֶ֣פֶשׁ אָדָ֔ם וְלֹא־יָכְל֥וּ לַעֲשֹׂת־הַפֶּ֖סַח בַּיּ֣וֹם הַה֑וּא
וַֽיִּקְרְב֞וּ לִפְנֵ֥י מֹשֶׁ֛ה וְלִפְנֵ֥י אַהֲרֹ֖ן בַּיּ֥וֹם הַהֽוּא׃ וַ֠יֹּאמְרוּ ז
הָאֲנָשִׁ֤ים הָהֵ֙מָּה֙ אֵלָ֔יו אֲנַ֥חְנוּ טְמֵאִ֖ים לְנֶ֣פֶשׁ אָדָ֑ם לָ֣מָּה
נִגָּרַ֗ע לְבִלְתִּ֨י הַקְרִ֜ב אֶת־קָרְבַּ֤ן יְהוָה֙ בְּמֹ֣עֲד֔וֹ בְּת֖וֹךְ בְּנֵ֥י
יִשְׂרָאֵֽל׃ וַיֹּ֥אמֶר אֲלֵהֶ֖ם מֹשֶׁ֑ה עִמְד֣וּ וְאֶשְׁמְעָ֔ה מַה־יְצַוֶּ֥ה ח
יְהוָ֖ה לָכֶֽם׃ פ

וַיְדַבֵּ֥ר יְהוָ֖ה אֶל־מֹשֶׁ֥ה לֵּאמֹֽר׃ דַּבֵּ֛ר אֶל־בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵ֖ל ט י
לֵאמֹ֑ר אִ֣ישׁ אִ֣ישׁ כִּֽי־יִהְיֶה־טָמֵ֣א ׀ לָנֶ֡פֶשׁ אוֹ֩ בְדֶ֨רֶךְ רְחֹקָ֜ה
לָכֶ֗ם א֚וֹ לְדֹרֹ֣תֵיכֶ֔ם וְעָ֥שָׂה פֶ֖סַח לַיהוָֽה׃ בַּחֹ֨דֶשׁ הַשֵּׁנִ֜י יא
בְּאַרְבָּעָ֨ה עָשָׂ֥ר י֛וֹם בֵּ֥ין הָעַרְבַּ֖יִם יַעֲשׂ֣וּ אֹת֑וֹ עַל־מַצּ֥וֹת
וּמְרֹרִ֖ים יֹאכְלֻֽהוּ׃ לֹֽא־יַשְׁאִ֤ירוּ מִמֶּ֙נּוּ֙ עַד־בֹּ֔קֶר וְעֶ֖צֶם לֹ֣א יב
יִשְׁבְּרוּ־ב֑וֹ כְּכָל־חֻקַּ֥ת הַפֶּ֖סַח יַעֲשׂ֥וּ אֹתֽוֹ׃ וְהָאִ֡ישׁ אֲשֶׁר־ יג
ה֨וּא טָה֜וֹר וּבְדֶ֣רֶךְ לֹא־הָיָ֗ה וְחָדַל֙ לַעֲשׂ֣וֹת הַפֶּ֔סַח וְנִכְרְתָ֛ה
הַנֶּ֥פֶשׁ הַהִ֖וא מֵעַמֶּ֑יהָ כִּ֣י ׀ קָרְבַּ֣ן יְהוָ֗ה לֹ֤א הִקְרִיב֙ בְּמֹ֣עֲד֔וֹ
חֶטְא֥וֹ יִשָּׂ֖א הָאִ֥ישׁ הַהֽוּא׃ וְכִֽי־יָג֨וּר אִתְּכֶ֜ם גֵּ֗ר וְעָ֤שָׂה יד
פֶ֙סַח֙ לַֽיהוָ֔ה כְּחֻקַּ֥ת הַפֶּ֛סַח וּכְמִשְׁפָּט֖וֹ כֵּ֣ן יַעֲשֶׂ֑ה חֻקָּ֤ה
אַחַת֙ יִהְיֶ֣ה לָכֶ֔ם וְלַגֵּ֖ר וּלְאֶזְרַ֥ח הָאָֽרֶץ׃ ס וּבְיוֹם֙ רב׳
הָקִ֣ים אֶת־הַמִּשְׁכָּ֔ן כִּסָּ֤ה הֶעָנָן֙ אֶת־הַמִּשְׁכָּ֔ן לְאֹ֖הֶל הָעֵדֻ֑ת
וּבָעֶ֜רֶב יִהְיֶ֧ה עַל־הַמִּשְׁכָּ֛ן כְּמַרְאֵה־אֵ֖שׁ עַד־בֹּֽקֶר׃ כֵּ֚ן יִהְיֶ֣ה טז
תָמִ֔יד הֶעָנָ֖ן יְכַסֶּ֑נּוּ וּמַרְאֵה־אֵ֖שׁ לָֽיְלָה׃ וּלְפִ֞י הֵעָלֹ֤ת יז
הֶֽעָנָן֙ מֵעַ֣ל הָאֹ֔הֶל וְאַ֣חֲרֵי כֵ֔ן יִסְע֖וּ בְּנֵ֣י יִשְׂרָאֵ֑ל וּבִמְק֗וֹם
אֲשֶׁ֤ר יִשְׁכָּן־שָׁם֙ הֶֽעָנָ֔ן שָׁ֥ם יַחֲנ֖וּ בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃ עַל־פִּ֣י יח

ו׳ סבירין ויהא י׳ נקוד על ה

טאָג פֿון דעמדאָזיקן חודש קעגן אָוונט, אין זיין געשטעלטער צייט זאָלט איר אים מאַכן; לויט אַלע זיינע דינים און לויט אַלע זיינע געזעצן זאָלט איר אים מאַכן.

4 האָט משה גערעדט צו די קינדער פֿון ישראל, צו מאַכן דעם קרבן־פּסח. 5 און זיי האָבן געמאַכט דעם קרבן־פּסח אין ערשטן חודש, אין פֿערצנטן טאָג פֿון חודש קעגן אָוונט, אין מדבר סיני; אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט באַפֿוילן משהן, אַזוי האָבן די קינדער פֿון ישראל געטאָן.

6 אָבער עס זיינען געווען מענער וואָס זיינען געווען אומריין פֿון דעם טויטן לייב פֿון אַ מענטשן, און זיי האָבן ניט געקענט מאַכן דעם קרבן־פּסח אין יענעם טאָג; האָבן זיי גענענט פֿאַר משהן און פֿאַר אַהרנען אין יענעם טאָג. 7 און יענע מענער האָבן צו אים געזאָגט: מיר זיינען אומריין פֿון דעם טויטן לייב פֿון אַ מענטשן; פֿאַרוואָס זאָלן מיר געמינערט ווערן, ניט מקריב צו זיין דעם קרבן פֿון גאָט אין זיין געשטעלטער צייט צווישן די קינדער פֿון ישראל? 8 האָט משה געזאָגט צו זיי: האַרט, און איך וועל הערן וואָס גאָט וועט באַפֿעלן וועגן אייך.

9 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 10 רעד צו די קינדער פֿון ישראל, אַזוי צו זאָגן: אַז עמיצער איינער פֿון אייך, אָדער פֿון אייערע קומעדיקע דורות וועט זיין אומריין פֿון אַ טויטן לייב, אָדער זיין אין אַ וויטן וועג, זאָל ער פֿון דעסטוועגן מאַכן אַ קרבן־פּסח צו גאָט. 11 אין צווייטן חודש, אין פֿערצנטן טאָג, קעגן אָוונט זאָלן זיי אים מאַכן; מיט מצות און ביטערע קרייטעכער זאָלן זיי אים עסן. 12 זיי זאָלן ניט איבערלאָזן פֿון אים ביז אין דער פֿרי, און אַ ביין זאָלן זיי ניט צעברעכן אין אים; לויט דעם גאַנצן דין פֿון קרבן־פּסח זאָלן זיי אים מאַכן. 13 אָבער דער מאַן וואָס איז ריין, און אין וועג איז ער ניט, און ער פֿאַרמיידט זיך צו מאַכן דעם קרבן־פּסח, יענע זעל זאָל פֿאַרשניטן ווערן פֿון איר פֿאָלק; וויל ער האָט דעם קרבן פֿון גאָט ניט מקריב געווען אין זיין געשטעלטער צייט, זאָל יענער מאַן טראָגן זיין זינד.

14 און אַז ביי אייך וועט זיך אויפֿהאַלטן אַ פֿרעמדער, און ער וועט מאַכן אַ קרבן־פּסח צו גאָט, איז, אַזוי ווי דער דין פֿון קרבן־פּסח און אַזוי ווי זיין געזעץ, אַזוי זאָל ער טאָן; איין דין זאָל זיין ביי אייך אי פֿאַר דעם פֿרעמדן, אי פֿאַר דעם איינגעבאָרענעם פֿון לאַנד.

15 און אין דעם טאָג וואָס מע האָט אויפֿגעשטעלט דעם מִשכּן, האָט דער וואָלקן צוגעדעקט דעם מִשכּן, דאָס געצעלט פֿון געזעץ; און אין אָוונט פֿלעגט זיין איבערן מִשכּן אַזוי ווי דאָס אויסזען פֿון פֿייער, ביז אין דער פֿרי. 16 אַזוי פֿלעגט זיין תמיד: דער וואָלקן פֿלעגט אים צודעקן, און דאָס אויסזען פֿון פֿייער ביי נאַכט. 17 און ווען דער וואָלקן פֿלעגט זיך אויפֿהייבן פֿון איבערן געצעלט, אַזוי פֿלעגן דערנאָך ציען די קינדער פֿון ישראל; און אין דעם אָרט וואָס דער וואָלקן פֿלעגט דאָרטן רוען, דאָרטן פֿלעגן לאַגערן די קינדער פֿון ישראל. 18 לויט דעם מויל

פון גאָט פלעגן ציען די קינדער פון ישׂראל, און לויט דעם מויל פון גאָט פלעגן זיי לאַגערן; כל־זמן דער וואָלקן פלעגט רוען אויפן מִשכּן, פלעגן זיי לאַגערן. [19] און אַז דער וואָלקן האָט זיך פאַרלענגערט אויפן מִשכּן פיל טעג, האָבן די קינדער פון ישׂראל געהיט די היטונג פון גאָט, און פלעגן ניט ציען. [20] און אַמאָל פלעגט דער וואָלקן זיין געציילטע טעג אויפן מִשכּן; לויט דעם מויל פון גאָט פלעגן זיי לאַגערן, און לויט דעם מויל פון גאָט פלעגן זיי ציען. [21] און אַמאָל פלעגט זיין דער וואָלקן פון אָוונט ביז אין דער פרי, און ווי דער וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן אין דער פרי, אַזוי האָבן זיי געצויגן; אָדער אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און ווי דער וואָלקן האָט זיך אויפגעהויבן, אַזוי האָבן זיי געצויגן. [22] צי צוויי טעג, צי אַ חודש, צי אַ יאָר—אַז דער וואָלקן האָט זיך פאַרלענגערט אויפן מִשכּן צו רוען אויף אים, פלעגן די קינדער פון ישׂראל לאַגערן און ניט ציען, און ווי ער האָט זיך אויפגעהויבן, פלעגן זיי ציען. [23] לויט דעם מויל פון גאָט פלעגן זיי לאַגערן, און לויט דעם מויל פון גאָט פלעגן זיי ציען; זיי האָבן געהיט די היטונג פון גאָט, לויט דעם מויל פון גאָט דורך משהן.

יְהוָה יִסְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְעַל־פִּי יְהוָה יַחֲנוּ כָּל־יְמֵי אֲשֶׁר
יט יִשְׁכֹּן הֶעָנָן עַל־הַמִּשְׁכָּן יַחֲנוּ׃ וּבְהַאֲרִיךְ הֶעָנָן עַל־הַמִּשְׁכָּן
יָמִים רַבִּים וְשָׁמְרוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־מִשְׁמֶרֶת יְהוָה וְלֹא
כ יִסָּעוּ׃ וְיֵשׁ אֲשֶׁר יִהְיֶה הֶעָנָן יָמִים מִסְפָּר עַל־הַמִּשְׁכָּן עַל־
כא פִּי יְהוָה יַחֲנוּ וְעַל־פִּי יְהוָה יִסָּעוּ׃ וְיֵשׁ אֲשֶׁר יִהְיֶה הֶעָנָן
מֵעֶרֶב עַד־בֹּקֶר וְנַעֲלָה הֶעָנָן בַּבֹּקֶר וְנָסָעוּ אוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה
כב וְנַעֲלָה הֶעָנָן וְנָסָעוּ׃ אוֹ־יֹמַיִם אוֹ־חֹדֶשׁ אוֹ־יָמִים בְּהַאֲרִיךְ
הֶעָנָן עַל־הַמִּשְׁכָּן לִשְׁכֹּן עָלָיו יַחֲנוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל וְלֹא יִסָּעוּ
כג וּבְהֵעָלֹתוֹ יִסָּעוּ׃ עַל־פִּי יְהוָה יַחֲנוּ וְעַל־פִּי יְהוָה יִסָּעוּ אֶת־
מִשְׁמֶרֶת יְהוָה שָׁמָרוּ עַל־פִּי יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה׃ פ

י

א ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ עֲשֵׂה לְךָ שְׁתֵּי חֲצוֹצְרֹת
כֶּסֶף מִקְשָׁה תַּעֲשֶׂה אֹתָם וְהָיוּ לְךָ לְמִקְרָא הָעֵדָה וּלְמַסַּע
ג אֶת־הַמַּחֲנוֹת׃ וְתָקְעוּ בָּהֵן וְנוֹעֲדוּ אֵלֶיךָ כָּל־הָעֵדָה אֶל־
ד פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְאִם־בְּאַחַת יִתְקָעוּ וְנוֹעֲדוּ אֵלֶיךָ
ה הַנְּשִׂיאִים רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל׃ וּתְקַעְתֶּם תְּרוּעָה וְנָסְעוּ
ו הַמַּחֲנוֹת הַחֹנִים קֵדְמָה׃ וּתְקַעְתֶּם תְּרוּעָה שֵׁנִית וְנָסְעוּ
הַמַּחֲנוֹת הַחֹנִים תֵּימָנָה תְּרוּעָה יִתְקְעוּ לְמַסְעֵיהֶם׃
ז ח וּבְהַקְהִיל אֶת־הַקָּהָל תִּתְקְעוּ וְלֹא תָרִיעוּ׃ וּבְנֵי אַהֲרֹן
הַכֹּהֲנִים יִתְקְעוּ בַּחֲצֹצְרוֹת וְהָיוּ לָכֶם לְחֻקַּת עוֹלָם
ט לְדֹרֹתֵיכֶם׃ וְכִי־תָבֹאוּ מִלְחָמָה בְּאַרְצְכֶם עַל־הַצַּר הַצֹּרֵר
אֶתְכֶם וַהֲרֵעֹתֶם בַּחֲצֹצְרֹת וְנִזְכַּרְתֶּם לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
י וְנוֹשַׁעְתֶּם מֵאֹיְבֵיכֶם׃ וּבְיוֹם שִׂמְחַתְכֶם וּבְמוֹעֲדֵיכֶם
וּבְרָאשֵׁי חָדְשֵׁכֶם וּתְקַעְתֶּם בַּחֲצֹצְרֹת עַל עֹלֹתֵיכֶם וְעַל
זִבְחֵי שַׁלְמֵיכֶם וְהָיוּ לָכֶם לְזִכָּרוֹן לִפְנֵי אֱלֹהֵיכֶם אֲנִי
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ פ
חמ׳ וַיְהִי בַּשָּׁנָה הַשֵּׁנִית בַּחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי בְּעֶשְׂרִים בַּחֹדֶשׁ נַעֲלָה

ט, כג׳ קמץ בז״ק י, ט׳ צ׳ פתוחה

י

[1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] מאַך דיר צוויי זילבערנע טרומייטן; געהאַמערט זאָלסטו זיי מאַכן; און זיי זאָלן דיר זיין פאַר צונויפרופן די עדה, און פאַר מאַכן ציען די לאַגערן. [3] און אַז מע וועט בלאָזן אין זיי, זאָל זיך צונויפקומען צו דיר די גאַנצע עדה צום אַיינגאַנג פון אוהל־מועד. [4] און אויב מע וועט בלאָזן אין איינעם, זאָלן זיך צונויפקומען צו דיר די פירשטן, די הויפּטלייט פון די טויזנטן פון ישׂראל. [5] און אַז איר וועט בלאָזן אַ שאַלרוף, זאָלן ציען די לאַגערן וואָס לאַגערן צו מזרח. [6] און אַז איר וועט בלאָזן אַ צווייטן שאַלרוף, זאָלן ציען די לאַגערן וואָס לאַגערן צו דָרום; אַ שאַלרוף זאָל מען בלאָזן פאַר זייערע ציאונגען. [7] אָבער ביים אַיינזאַמלען די אַיינזאַמלונג זאָלט איר בלאָזן, אָבער ניט אַרויסלאָזן אַ שאַלרוף. [8] און אַהרנס זין, די כּהנים, זאָלן בלאָזן אין די טרומייטן; און דאָס זאָל אייך זיין פאַר אַן אייביקן געזעץ אויף אייערע דור־דורות. [9] און אַז איר וועט גיין אויף מלחמה אין אייער לאַנד אַקעגן דעם שׂונא וואָס דריקט אייך, זאָלט איר שאַלן אין די טרומייטן, און איר וועט דערמאָנט ווערן פאַר יהוה אייער גאָט, און וועט געהאָלפן ווערן פון אייערע פיינט. [10] און אין אייער טאָג פון שׂמחה, און אין אייערע יָום־טובים, און אין אייערע ראש־חודשן, זאָלט איר בלאָזן אין די טרומייטן אויף אייערע בראַנדאָפּפער און אויף אייערע פרידאָפּפער; און זיי וועלן אייך זיין צו אַ דערמאָנונג פאַר אייער גאָט; איך בין יהוה אייער גאָט.

[11] און עס איז געווען אין צווייטן יאָר, אין צווייטן חודש, אין צוואַנציקסטן טאָג פון חודש, האָט זיך אויפגעהויבן

יב הֶעָנָן מֵעַל מִשְׁכַּן הָעֵדֻת׃ וַיִּסְעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לְמַסְעֵיהֶם
יג מִמִּדְבַּר סִינָי וַיִּשְׁכֹּן הֶעָנָן בְּמִדְבַּר פָּארָן׃ וַיִּסְעוּ בָּרִאשֹׁנָה
יד עַל־פִּי יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה׃ וַיִּסַּע דֶּגֶל מַחֲנֵה בְנֵי־יְהוּדָה
טו בָּרִאשֹׁנָה לְצִבְאֹתָם וְעַל־צְבָאוֹ נַחְשׁוֹן בֶּן־עַמִּינָדָב׃ וְעַל־
טז צְבָא מַטֵּה בְּנֵי יִשָּׂשכָר נְתַנְאֵל בֶּן־צוּעָר׃ וְעַל־צְבָא מַטֵּה
יז בְּנֵי זְבוּלֻן אֱלִיאָב בֶּן־חֵלֹן׃ וְהוּרַד הַמִּשְׁכָּן וְנָסְעוּ בְנֵי־
יח גֵרְשׁוֹן וּבְנֵי מְרָרִי נֹשְׂאֵי הַמִּשְׁכָּן׃ וְנָסַע דֶּגֶל מַחֲנֵה רְאוּבֵן
יט לְצִבְאֹתָם וְעַל־צְבָאוֹ אֱלִיצוּר בֶּן־שְׁדֵיאוּר׃ וְעַל־צְבָא מַטֵּה
כ בְּנֵי שִׁמְעוֹן שְׁלֻמִיאֵל בֶּן־צוּרִישַׁדָּי׃ וְעַל־צְבָא מַטֵּה בְנֵי־
כא גָד אֶלְיָסָף בֶּן־דְּעוּאֵל׃ וְנָסְעוּ הַקְּהָתִים נֹשְׂאֵי הַמִּקְדָּשׁ
כב וְהֵקִימוּ אֶת־הַמִּשְׁכָּן עַד־בֹּאָם׃ וְנָסַע דֶּגֶל מַחֲנֵה בְנֵי־
כג אֶפְרַיִם לְצִבְאֹתָם וְעַל־צְבָאוֹ אֱלִישָׁמָע בֶּן־עַמִּיהוּד׃ וְעַל־
כד צְבָא מַטֵּה בְּנֵי מְנַשֶּׁה גַּמְלִיאֵל בֶּן־פְּדָהצוּר׃ וְעַל־צְבָא
כה מַטֵּה בְּנֵי בִנְיָמִן אֲבִידָן בֶּן־גִּדְעוֹנִי׃ וְנָסַע דֶּגֶל מַחֲנֵה בְנֵי־
דָן מְאַסֵּף לְכָל־הַמַּחֲנֹת לְצִבְאֹתָם וְעַל־צְבָאוֹ אֲחִיעֶזֶר
כו בֶּן־עַמִּישַׁדָּי׃ וְעַל־צְבָא מַטֵּה בְּנֵי אָשֵׁר פַּגְעִיאֵל בֶּן־
כז כח עָכְרָן׃ וְעַל־צְבָא מַטֵּה בְּנֵי נַפְתָּלִי אֲחִירַע בֶּן־עֵינָן׃ אֵלֶּה
כט מַסְעֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לְצִבְאֹתָם וַיִּסָּעוּ׃ ס וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה לְחֹבָב בֶּן־רְעוּאֵל הַמִּדְיָנִי חֹתֵן מֹשֶׁה נֹסְעִים ׀
אֲנַחְנוּ אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה אֹתוֹ אֶתֵּן לָכֶם לְכָה
ל אִתָּנוּ וְהֵטַבְנוּ לָךְ כִּי־יְהוָה דִּבֶּר־טוֹב עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר
אֵלָיו לֹא אֵלֵךְ כִּי אִם־אֶל־אַרְצִי וְאֶל־מוֹלַדְתִּי אֵלֵךְ׃
לא וַיֹּאמֶר אַל־נָא תַּעֲזֹב אֹתָנוּ כִּי ׀ עַל־כֵּן יָדַעְתָּ חֲנֹתֵנוּ בַּמִּדְבָּר
לב וְהָיִיתָ לָּנוּ לְעֵינָיִם׃ וְהָיָה כִּי־תֵלֵךְ עִמָּנוּ וְהָיָה ׀ הַטּוֹב
לג הַהוּא אֲשֶׁר יֵיטִיב יְהוָה עִמָּנוּ וְהֵטַבְנוּ לָךְ׃ וַיִּסְעוּ מֵהַר
יְהוָה דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים וַאֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה נֹסֵעַ לִפְנֵיהֶם
לד דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת יָמִים לָתוּר לָהֶם מְנוּחָה׃ וַעֲנַן יְהוָה

דער וואָלקן פון איבערן משכּן פון געזעץ. 12 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געצויגן אויף זייערע ציאונגען פון מדבר סיני; און דער וואָלקן האָט גערוט אין מדבר פאָרן. 13 אַזוי האָבן זיי געצויגן צום ערשטן מאָל לויט דעם מויל פון גאָט דורך משהן. 14 און צוערשט האָט געצויגן די פאָן פון דעם לאַגער פון די קינדער פון יהודה, לויט זייערע מחנות; און איבער זיין מחנה איז געווען נַחשון דער זון פון עַמינָדָבן. 15 און איבער דער מחנה פון דעם שבט פון די קינדער פון יִששָׂכָר, נתַנאֵל דער זון פון צוּעָרן. 16 און איבער דער מחנה פון דעם שבט פון די קינדער פון זבולון, אֶליאָב דער זון פון חֵלונען. 17 און אַז דער משכּן איז פאַנאַנדערגענומען געוואָרן, האָבן געצויגן די קינדער פון גֵרשון, און די קינדער פון מְרָרי, די טרעגער פון דעם משכּן. 18 און עס האָט געצויגן די פאָן פון דעם לאַגער פון ראובן, לויט זייערע מחנות; און איבער זיין מחנה איז געווען אֶליצור דער זון פון שדֵיאורן. 19 און איבער דער מחנה פון דעם שבט פון די קינדער פון שמעון, שלומיאֵל דער זון פון צורישַׁדָין. 20 און איבער דער מחנה פון דעם שבט פון די קינדער פון גָד, אֶליָסָף דער זון פון דְעואֵלן. 21 און עס האָבן געצויגן די קְהָתים, די טרעגער פון די הייליקע זאַכן; און מע האָט אויפגעשטעלט דעם משכּן איידער זיי זיינען געקומען. 22 און עס האָט געצויגן די פאָן פון דעם לאָגער פון די קינדער פון אפרים, לויט זייערע מחנות; און איבער זיין מחנה איז געווען אֱלישָׁמָע דער זון פון עַמיהודן. 23 און איבער דער מחנה פון דעם שבט פון די קינדער פון מנשה, גַמליאֵל דער זון פון פְּדָהצורן. 24 און איבער דער מחנה פון דעם שבט פון די קינדער פון בנימין, אֲבידָן דער זון פון גִדעונִין. 25 און עס האָט געצויגן די פאָן פון דעם לאַגער פון די קינדער פון דָן, די הינטערוואַך פון אַלע לאַגערן לויט זייערע מחנות; און איבער זיין לאַגער איז געווען אַחיעֶזֶר דער זון פון עַמישַׁדָין. 26 און איבער דער מחנה פון דעם שבט פון די קינדער פון אָשר, פַּגעיאֵל דער זון פון עָכרָנען. 27 און איבער דער מחנה פון דעם שבט פון די קינדער פון נפתלי, אַחירַע דער זון פון עֵינָנען. 28 דאָס זיינען די ציאונגען פון די קינדער פון ישׂראל לויט זייערע מחנות; אַזוי האָבן זיי געצויגן.

29 און משה האָט געזאָגט צו חוֹבָב דעם זון פון רְעואֵל דעם מִדיָני, משהס שווער: מיר ציען צו דעם אָרט וואָס גאָט האָט געזאָגט: איך וועל אים געבן צו אייך; קום מיט אונדז, און מיר וועלן דיך באַגיטיקן, וואָרום גאָט האָט צוגעזאָגט גוטס פאַר ישׂראל. 30 האָט ער צו אים געזאָגט: איך וועל ניט גיין; נייערט צו מיין לאַנד און צו מיין אָפּשטאַם וועל איך גיין. 31 האָט ער געזאָגט: זאָלסט אונדז ניט פאַרלאָזן, איך בעט דיך; דערפאַר ווייל דו ווייסט ווו מיר קענען לאַגערן אין מדבר, און וועסט אונדז זיין פאַר אויגן. 32 און עס וועט זיין, אַז דו וועסט גיין מיט אונדז, איז, פון דעם גוטס וואָס גאָט וועט אונדז באַגיטיקן, וועלן מיר דיך באַגיטיקן.

33 און זיי האָבן געצויגן פון דעם באַרג פון גאָט דריי טעג וועגס, און דער אָרון פון גאָטס בונד האָט געצויגן זיי פאַרויס דריי טעג וועגס, אויסצוזוכן פאַר זיי אַ רואָרט. 34 און דער וואָלקן פון גאָט איז געווען איבער זיי ביי טאָג,

ווען זיי האָבן געצויגן פון לאַגער. [35] און עס איז געווען,
אַז דער אָרון האָט געצויגן, האָט משה געזאָגט:

שטיי אויף, גאָט, און זאָלן צעשפּרייט ווערן דיינע פיינט,
און זאָלן אַנטלויפן דיינע שׂונאים פאַר דיר!

[36] און אַז ער האָט גערוט, האָט ער געזאָגט:

קער אַיין, גאָט, צו די צענטויזנטן
פון די משפּחות פון ישׂראל!

# יא

[1] און דאָס פאָלק האָט זיך באַקלאָגט אויף שלעכטס אין די אויערן פון גאָט, און גאָט האָט געהערט, און זיין צאָרן האָט געגרימט, און אַ פייער פון גאָט האָט געברענט צווישן זיי, און האָט פאַרצערט ביים עק לאַגער. [2] האָט דאָס פאָלק געשריען צו משהן, און משה האָט מתפּלל געווען צו גאָט, און דאָס פייער האָט זיך געזעצט. [3] און מע האָט גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט תּבֿערהא, ווייל אַ פייער פון גאָט האָט געברענט צווישן זיי.

[4] און די צונויפגעלאָפענע וואָס צווישן זיי האָבן געגלוסט אַ גלוסטונג; און אויך די קינדער פון ישׂראל האָבן ווידער געוויינט, און זיי האָבן געזאָגט: ווען מע זאָל אונדז געבן עסן פלייש! [5] מיר געדענקען די פיש וואָס מיר פלעגן עסן אין מִצרַיִם אומזיסט, די פלוצערן, און די קירבעס, און דאָס גרינס, און די ציבעלעס, און די קנאָבל. [6] און אַצונד איז אונדזער זעל פאַרטריקנט; ניטאָ קיין זאַך; בלויז אויפן מַן זיינען אונדזערע אויגן.

[7] און דער מַן איז געווען אַזוי ווי קאָריאַנדערזאָמען, און זיין אָנבליק אַזוי ווי דער אָנבליק פון בדולחב. [8] דאָס פאָלק האָט זיך פאַרשפּרייט, און האָט עס אויפגעקליבן, און געמאָלן אין אַ האַנטמיל, אָדער געשטויסן אין אַ שטייסל, און געקאָכט אין אַ טאָפּ, אָדער געמאַכט דערפון קוכנס. און דער טעם דערפון איז געווען ווי דער טעם פון אַן אײלקיכל. [9] און ווי דער טוי האָט אַראָפּגענידערט אויפן לאַגער ביי נאַכט, פלעגט אַראָפּנידערן דערויף דער מַן.

[10] און משה האָט געהערט דאָס פאָלק וויינען משפּחות־וויז, איטלעכער פאַר דעם אײַנגאַנג פון זיין געצעלט, און דער צאָרן פון גאָט האָט זייער געגרימט, און עס איז געווען שלעכט אין די אויגן פון משהן. [11] און משה האָט געזאָגט צו גאָט: פאַרוואָס טוסטו שלעכטס דיין קנעכט, און פאַרוואָס האָב איך געפונען אומחן אין דיינע אויגן, אַרויפצולייגן אויף מיר די לאַסט פון דעמדאָזיקן גאַנצן פאָלק? [12] האָב איך דען געטראָגן דאָסדאָזיקע גאַנצע פאָלק, צי איך האָב עס געבאָרן, וואָס דו זאָגסט צו מיר: טראָג עס אין דיין בוזעם, אַזוי ווי אַ דערציִער טראָגט אַ זויגעדיקן, צו דעם לאַנד וואָס דו האָסט צוגעשוואָרן זייערע עלטערן? [13] פון וואַנען האָב איך פלייש, צו געבן דעמדאָזיקן גאַנצן פאָלק, וואָס זיי וויינען אויף מיר, אַזוי צו זאָגן: גיב אונדז פלייש, מיר זאָלן עסן? [14] איך אַליין קען ניט טראָגן דאָסדאָזיקע גאַנצע פאָלק, וואָרום

ששי עֲלֵיהֶם יוֹמָם בְּנָסְעָם מִן־הַמַּחֲנֶה׃ ס ׆ וַיְהִי בִּנְסֹעַ
הָאָרֹן וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה קוּמָה ׀ יְהוָה וְיָפֻצוּ אֹיְבֶיךָ וְיָנֻסוּ
לו מְשַׂנְאֶיךָ מִפָּנֶיךָ׃ וּבְנֻחֹה יֹאמַר שׁוּבָה יְהוָה רִבְבוֹת
אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל׃ ׆ פ

יא

א וַיְהִי הָעָם כְּמִתְאֹנְנִים רַע בְּאָזְנֵי יְהוָה וַיִּשְׁמַע יְהוָה וַיִּחַר
אַפּוֹ וַתִּבְעַר־בָּם אֵשׁ יְהוָה וַתֹּאכַל בִּקְצֵה הַמַּחֲנֶה׃
ב וַיִּצְעַק הָעָם אֶל־מֹשֶׁה וַיִּתְפַּלֵּל מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה וַתִּשְׁקַע
ג הָאֵשׁ׃ וַיִּקְרָא שֵׁם־הַמָּקוֹם הַהוּא תַּבְעֵרָה כִּי־בָעֲרָה בָם
ד אֵשׁ יְהוָה׃ וְהָאסַפְסֻף אֲשֶׁר בְּקִרְבּוֹ הִתְאַוּוּ תַּאֲוָה וַיָּשֻׁבוּ
ה וַיִּבְכּוּ גַּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמְרוּ מִי יַאֲכִלֵנוּ בָּשָׂר׃ זָכַרְנוּ
אֶת־הַדָּגָה אֲשֶׁר־נֹאכַל בְּמִצְרַיִם חִנָּם אֵת הַקִּשֻּׁאִים וְאֵת
הָאֲבַטִּחִים וְאֶת־הֶחָצִיר וְאֶת־הַבְּצָלִים וְאֶת־הַשּׁוּמִים׃
ו ז וְעַתָּה נַפְשֵׁנוּ יְבֵשָׁה אֵין כֹּל בִּלְתִּי אֶל־הַמָּן עֵינֵינוּ׃ וְהַמָּן
ח כִּזְרַע־גַּד הוּא וְעֵינוֹ כְּעֵין הַבְּדֹלַח׃ שָׁטוּ הָעָם וְלָקְטוּ
וְטָחֲנוּ בָרֵחַיִם אוֹ דָכוּ בַּמְּדֹכָה וּבִשְּׁלוּ בַּפָּרוּר וְעָשׂוּ אֹתוֹ
ט עֻגוֹת וְהָיָה טַעְמוֹ כְּטַעַם לְשַׁד הַשָּׁמֶן׃ וּבְרֶדֶת הַטַּל
י עַל־הַמַּחֲנֶה לָיְלָה יֵרֵד הַמָּן עָלָיו׃ וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה אֶת־
הָעָם בֹּכֶה לְמִשְׁפְּחֹתָיו אִישׁ לְפֶתַח אָהֳלוֹ וַיִּחַר־אַף יְהוָה
יא מְאֹד וּבְעֵינֵי מֹשֶׁה רָע׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה לָמָה
הֲרֵעֹתָ לְעַבְדֶּךָ וְלָמָּה לֹא־מָצָתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ לָשׂוּם אֶת־
יב מַשָּׂא כָּל־הָעָם הַזֶּה עָלָי׃ הֶאָנֹכִי הָרִיתִי אֵת כָּל־הָעָם
הַזֶּה אִם־אָנֹכִי יְלִדְתִּיהוּ כִּי־תֹאמַר אֵלַי שָׂאֵהוּ בְחֵיקֶךָ
כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא הָאֹמֵן אֶת־הַיֹּנֵק עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתָּ
יג לַאֲבֹתָיו׃ מֵאַיִן לִי בָּשָׂר לָתֵת לְכָל־הָעָם הַזֶּה כִּי־יִבְכּוּ
יד עָלַי לֵאמֹר תְּנָה־לָּנוּ בָשָׂר וְנֹאכֵלָה׃ לֹא־אוּכַל אָנֹכִי
טו לְבַדִּי לָשֵׂאת אֶת־כָּל־הָעָם הַזֶּה כִּי כָבֵד מִמֶּנִּי׃ וְאִם־

י, לה׳ לו׳ נון הפוכה   לו׳ ובנוחו ק   יא, ד׳ א׳ נחה   יא׳ חסר א׳

[א] בראַנד.   [ב] אַ מין שמעקעדיקע בוימפעך. לויט אַנדערע: אַ מין טייער שטיין, אָדער פערל.

כָּכָה ׀ אַתְּ־עֹשֶׂה לִּי הָרְגֵנִי נָא הָרֹג אִם־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ
וְאַל־אֶרְאֶה בְּרָעָתִי׃ פ
טז וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה אֶסְפָה־לִּי שִׁבְעִים אִישׁ מִזִּקְנֵי
יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יָדַעְתָּ כִּי־הֵם זִקְנֵי הָעָם וְשֹׁטְרָיו וְלָקַחְתָּ
יז אֹתָם אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד וְהִתְיַצְּבוּ שָׁם עִמָּךְ׃ וְיָרַדְתִּי וְדִבַּרְתִּי
עִמְּךָ שָׁם וְאָצַלְתִּי מִן־הָרוּחַ אֲשֶׁר עָלֶיךָ וְשַׂמְתִּי עֲלֵיהֶם
יח וְנָשְׂאוּ אִתְּךָ בְּמַשָּׂא הָעָם וְלֹא־תִשָּׂא אַתָּה לְבַדֶּךָ׃ וְאֶל־
הָעָם תֹּאמַר הִתְקַדְּשׁוּ לְמָחָר וַאֲכַלְתֶּם בָּשָׂר כִּי בְּכִיתֶם
בְּאָזְנֵי יְהוָה לֵאמֹר מִי יַאֲכִלֵנוּ בָּשָׂר כִּי־טוֹב לָנוּ בְּמִצְרָיִם
יט וְנָתַן יְהוָה לָכֶם בָּשָׂר וַאֲכַלְתֶּם׃ לֹא יוֹם אֶחָד תֹּאכְלוּן
וְלֹא יוֹמָיִם וְלֹא ׀ חֲמִשָּׁה יָמִים וְלֹא עֲשָׂרָה יָמִים וְלֹא
כ עֶשְׂרִים יוֹם׃ עַד ׀ חֹדֶשׁ יָמִים עַד אֲשֶׁר־יֵצֵא מֵאַפְּכֶם וְהָיָה
לָכֶם לְזָרָא יַעַן כִּי־מְאַסְתֶּם אֶת־יְהוָה אֲשֶׁר בְּקִרְבְּכֶם
כא וַתִּבְכּוּ לְפָנָיו לֵאמֹר לָמָּה זֶּה יָצָאנוּ מִמִּצְרָיִם׃ וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה שֵׁשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף רַגְלִי הָעָם אֲשֶׁר אָנֹכִי בְּקִרְבּוֹ
כב וְאַתָּה אָמַרְתָּ בָּשָׂר אֶתֵּן לָהֶם וְאָכְלוּ חֹדֶשׁ יָמִים׃ הֲצֹאן
וּבָקָר יִשָּׁחֵט לָהֶם וּמָצָא לָהֶם אִם אֶת־כָּל־דְּגֵי הַיָּם יֵאָסֵף
לָהֶם וּמָצָא לָהֶם׃ פ
כג וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה הֲיַד יְהוָה תִּקְצָר עַתָּה תִרְאֶה
כד הֲיִקְרְךָ דְבָרִי אִם־לֹא׃ וַיֵּצֵא מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶל־הָעָם אֵת
דִּבְרֵי יְהוָה וַיֶּאֱסֹף שִׁבְעִים אִישׁ מִזִּקְנֵי הָעָם וַיַּעֲמֵד אֹתָם
כה סְבִיבֹת הָאֹהֶל׃ וַיֵּרֶד יְהוָה ׀ בֶּעָנָן וַיְדַבֵּר אֵלָיו וַיָּאצֶל
מִן־הָרוּחַ אֲשֶׁר עָלָיו וַיִּתֵּן עַל־שִׁבְעִים אִישׁ הַזְּקֵנִים וַיְהִי
כו כְּנוֹחַ עֲלֵיהֶם הָרוּחַ וַיִּתְנַבְּאוּ וְלֹא יָסָפוּ׃ וַיִּשָּׁאֲרוּ שְׁנֵי־
אֲנָשִׁים ׀ בַּמַּחֲנֶה שֵׁם הָאֶחָד ׀ אֶלְדָּד וְשֵׁם הַשֵּׁנִי מֵידָד
וַתָּנַח עֲלֵהֶם הָרוּחַ וְהֵמָּה בַּכְּתֻבִים וְלֹא יָצְאוּ הָאֹהֱלָה
כז וַיִּתְנַבְּאוּ בַּמַּחֲנֶה׃ וַיָּרָץ הַנַּעַר וַיַּגֵּד לְמֹשֶׁה וַיֹּאמַר אֶלְדָּד
כח וּמֵידָד מִתְנַבְּאִים בַּמַּחֲנֶה׃ וַיַּעַן יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן מְשָׁרֵת

עס איז צו שווער פאַר מיר. 15 און אויב דו טוסט אַזוי צו מיר, הרגען הרגע מיך, איך בעט דיך, אויב איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, און לאָמיך ניט זען מיין אומגליק.

16 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: זאַמל מיר אײַן זיבעציק מאַן פון די עלטסטע פון ישראל, די וואָס דו ווייסט אַז זיי זיינען די עלטסטע פון פאָלק, און זיינע אויפזעערס, און זאָלסט זיי נעמען צום אוהל־מועד, און זיי זאָלן זיך דאָרטן שטעלן מיט דיר. 17 און איך וועל אַראָפּנידערן, און וועל דאָרטן רעדן מיט דיר, און וועל אָפּשיידן פון דעם גייסט וואָס אויף דיר, און אַרויפטאָן אויף זיי, און זיי וועלן מיטטראָגן מיט דיר די לאַסט פון פאָלק, און וועסט ניט דאַרפן טראָגן דו אַליין. 18 און צום פאָלק זאָלסטו זאָגן: בּרייט אַײַך אָן אויף מאָרגן, און איר וועט עסן פלייש; ווייל איר האָט געוויינט אין די אויערן פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: ווען מע זאָל אונדז געבן עסן פלייש! וואָרום אונדז איז געווען ווויל אין מִצרַיִם; דרום וועט אַײַך גאָט געבן פלייש, און איר וועט עסן. 19 ניט איין טאָג וועט איר עסן, און ניט צוויי טעג, און ניט פינף טעג, און ניט צען טעג, און ניט צוואַנציק טעג; 20 ביז אַ חודש צייט, ביז וואַנען עס וועט אַײַך קערן פון דער נאָז, און וועט אַײַך זיין צום עקל; דערפאַר וואָס איר האָט פאַראַכט גאָט וואָס איז צווישן אַײַך, און האָט געוויינט פאַר אים, אַזוי צו זאָגן: נאָך וואָס גאָר זיינען מיר אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם? 21 האָט משה געזאָגט: זעקס הונדערט טויזנט פוסגייער איז דאָס פאָלק וואָס איך בין צווישן אים, און דו זאָגסט: איך וועל זיי געבן פלייש, און זיי וועלן עסן אַ חודש צייט. 22 ווען שאָף און רינדער זאָלן געשאָכטן ווערן פאַר זיי, וועט זיי דען קלעקן? אַז אַלע פישן פון ים זאָלן אײַנגעזאַמלט ווערן פאַר זיי, וועט זיי דען קלעקן? 23 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: איז די האַנט פון גאָט קורץ? אַצונד וועסטו זען, אויב מיין וואָרט וועט דיר געשען אָדער ניט.

24 איז משה אַרויסגעגאַנגען, און האָט גערעדט צום פאָלק די ווערטער פון גאָט; און ער האָט אײַנגעזאַמלט זיבעציק מאַן פון די עלטסטע פון פאָלק, און זיי געשטעלט רונד אַרום געצעלט. 25 און גאָט האָט אַראָפּגענידערט אין דעם וואָלקן, און האָט גערעדט צו אים, און האָט גענומען פון דעם גייסט וואָס אויף אים, און געגעבן אויף די זיבעציק מאַן, די עלטסטע. און עס איז געווען, ווי דער גייסט האָט אויף זיי גערוט, אַזוי האָבן זיי נביאות געזאָגט; אָבער ניט מער.

26 און צוויי מענער זיינען איבערגעבליבן אין לאַגער, דער נאָמען פון איינעם אֶלדָד, און דער נאָמען פון צווייטן מֵידָד; האָט אויף זיי אויך גערוט דער גייסט—און זיי זיינען געווען צווישן די פאַרשריבענע, אָבער זיי זיינען ניט אַרויסגעגאַנגען צום געצעלט—און זיי האָבן נביאות געזאָגט אין לאַגער. 27 איז געלאָפן דער יונג, און האָט דערציילט משהן, און געזאָגט: אֶלדָד און מֵידָד זאָגן נביאות אין לאַגער. 28 האָט זיך אָפּגערופן יהושעַ דער זון פון נון, משהס באַדינער

פון זיין יוגנט אָן, און האָט געזאָגט: מיין האַר משה, האַלט זיי צוריק. 29 האָט משה צו אים געזאָגט: נעמסטו זיך אָן פאַר מיר? הלוואַי זאָל דאָס גאַנצע פאָלק פון גאָט זיין נביאים, אַז גאָט זאָל געבן זיין גייסט אויף זיי! 30 און משה איז צוריק אַריין אין לאַגער, ער און די עלטסטע פון ישׂראל.

31 און אַ ווינט האָט אַרויסגעצויגן פון גאָט, און האָט געבראַכט צופליען וואַכטלפויגלען פון ים, און האָט זיי צעוואָרפן לעבן לאַגער אַרום אַ טאָג וועגס פון איין זייט, און אַרום אַ טאָג וועגס פון דער אַנדער זייט, רונד אַרום לאַגער, און אַרום צוויי איילן איבערן געזיכט פון דער ערד. 32 און דאָס פאָלק איז אויפגעשטאַנען יענעם גאַנצן טאָג, און די גאַנצע נאַכט, און דעם גאַנצן מאָרגעדיקן טאָג, און זיי האָבן אויפגעקליבן די וואַכטלפויגלען; דער וואָס האָט צומינדסט געקליבן האָט אויפגעקליבן צען הויפנס; און זיי האָבן זיי זיך אויסגעשפרייט רונד אַרום לאַגער.

33 דאָס פלייש איז נאָך געווען צווישן זייערע ציינער, איידער עס איז צעקייט געוואָרן, אַזוי האָט דער צאָרן פון גאָט געגרימט אויפן פאָלק, און גאָט האָט געשלאָגן צווישן דעם פאָלק זייער אַ גרויסן שלאַק. 34 און מע האָט גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט קִברות־הַתַּאֲוָה[א], ווייל דאָרטן האָט מען באַגראָבן דאָס פאָלק וואָס האָט געגלוסט.

35 פון קִברות־הַתַּאֲוָה האָט דאָס פאָלק געצויגן קיין חֲצֵרוֹת; און זיי זיינען געבליבן אין חֲצֵרוֹת.

כט מֹשֶׁה מִבְּחֻרָיו וַיֹּאמַר אֲדֹנִי מֹשֶׁה כְּלָאֵם: וַיֹּאמֶר לוֹ מֹשֶׁה
הַמְקַנֵּא אַתָּה לִי וּמִי יִתֵּן כָּל־עַם יְהוָה נְבִיאִים כִּי־יִתֵּן יְהוָה
שב׳ אֶת־רוּחוֹ עֲלֵיהֶם: וַיֵּאָסֵף מֹשֶׁה אֶל־הַמַּחֲנֶה הוּא וְזִקְנֵי
לא יִשְׂרָאֵל: וְרוּחַ נָסַע ׀ מֵאֵת יְהוָה וַיָּגָז שַׂלְוִים מִן־הַיָּם וַיִּטֹּשׁ
עַל־הַמַּחֲנֶה כְּדֶרֶךְ יוֹם כֹּה וּכְדֶרֶךְ יוֹם כֹּה סְבִיבוֹת הַמַּחֲנֶה
לב וּכְאַמָּתַיִם עַל־פְּנֵי הָאָרֶץ: וַיָּקָם הָעָם כָּל־הַיּוֹם הַהוּא וְכָל־
הַלַּיְלָה וְכֹל ׀ יוֹם הַמָּחֳרָת וַיַּאַסְפוּ אֶת־הַשְּׂלָו הַמַּמְעִיט אָסַף
עֲשָׂרָה חֳמָרִים וַיִּשְׁטְחוּ לָהֶם שָׁטוֹחַ סְבִיבוֹת הַמַּחֲנֶה:
לג הַבָּשָׂר עוֹדֶנּוּ בֵּין שִׁנֵּיהֶם טֶרֶם יִכָּרֵת וְאַף יְהוָה חָרָה בָעָם
לד וַיַּךְ יְהוָה בָּעָם מַכָּה רַבָּה מְאֹד: וַיִּקְרָא אֶת־שֵׁם־הַמָּקוֹם
הַהוּא קִבְרוֹת הַתַּאֲוָה כִּי־שָׁם קָבְרוּ אֶת־הָעָם הַמִּתְאַוִּים:
לה מִקִּבְרוֹת הַתַּאֲוָה נָסְעוּ הָעָם חֲצֵרוֹת וַיִּהְיוּ בַּחֲצֵרוֹת: פ

יב

א וַתְּדַבֵּר מִרְיָם וְאַהֲרֹן בְּמֹשֶׁה עַל־אֹדוֹת הָאִשָּׁה הַכֻּשִׁית
ב אֲשֶׁר לָקָח כִּי־אִשָּׁה כֻשִׁית לָקָח: וַיֹּאמְרוּ הֲרַק אַךְ־בְּמֹשֶׁה
ג דִּבֶּר יְהוָה הֲלֹא גַּם־בָּנוּ דִבֵּר וַיִּשְׁמַע יְהוָה: וְהָאִישׁ
מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה: ס
ד וַיֹּאמֶר יְהוָה פִּתְאֹם אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן וְאֶל־מִרְיָם
ה צְאוּ שְׁלָשְׁתְּכֶם אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד וַיֵּצְאוּ שְׁלָשְׁתָּם: וַיֵּרֶד
יְהוָה בְּעַמּוּד עָנָן וַיַּעֲמֹד פֶּתַח הָאֹהֶל וַיִּקְרָא אַהֲרֹן וּמִרְיָם
ו וַיֵּצְאוּ שְׁנֵיהֶם: וַיֹּאמֶר שִׁמְעוּ־נָא דְבָרָי אִם־יִהְיֶה נְבִיאֲכֶם
ז יְהוָה בַּמַּרְאָה אֵלָיו אֶתְוַדָּע בַּחֲלוֹם אֲדַבֶּר־בּוֹ: לֹא־כֵן
ח עַבְדִּי מֹשֶׁה בְּכָל־בֵּיתִי נֶאֱמָן הוּא: פֶּה אֶל־פֶּה אֲדַבֶּר־
בּוֹ וּמַרְאֶה וְלֹא בְחִידֹת וּתְמֻנַת יְהוָה יַבִּיט וּמַדּוּעַ לֹא
ט יְרֵאתֶם לְדַבֵּר בְּעַבְדִּי בְמֹשֶׁה: וַיִּחַר־אַף יְהוָה בָּם
י וַיֵּלַךְ: וְהֶעָנָן סָר מֵעַל הָאֹהֶל וְהִנֵּה מִרְיָם מְצֹרַעַת כַּשָּׁלֶג
יא וַיִּפֶן אַהֲרֹן אֶל־מִרְיָם וְהִנֵּה מְצֹרָעַת: וַיֹּאמֶר אַהֲרֹן אֶל־

יא, לב׳ השלו ק׳ יב, ג׳ ענו ק׳

## יב

1 און מרים און אַהרן האָבן גערעדט אויף משהן פון וועגן דער כושישער ווייב וואָס ער האָט גענומען; וואָרום ער האָט גענומען אַ כושישע ווייב. 2 און זיי האָבן געזאָגט: צי בלויז נאָר מיט משהן האָט גאָט גערעדט? האָט ער ניט אויך מיט אונדז גערעדט? און גאָט האָט געהערט.

3 און דער מאַן משה איז געווען זייער אַן עָנָו, מער פון אַלע מענטשן וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד.

4 האָט גאָט פלוצלינג געזאָגט צו משהן און צו אַהרנען און צו מרימען: גייט איר דריי אַרויס צום אוהל־מועד. זיינען זיי דריי אַרויסגעגאַנגען. 5 און גאָט האָט אַראָפּגענידערט אין אַ וואָלקנזייל, און האָט זיך געשטעלט ביים איינגאַנג פון אוהל־מועד, און האָט גערופן אַהרנען און מרימען. זיינען זיי ביידע אַרויסגעגאַנגען. 6 און ער האָט געזאָגט: הערט אָקאָרשט צו מיינע ווערטער: אַז אַ נביא איז דאָ ביי אײַך, טו איך, גאָט, אין אַ זעאונג זיך דערקענען צו אים; אין אַ חלום רעד איך מיט אים. 7 ניט אַזוי איז מיין קנעכט משה; אין מיין גאַנצן הויז איז ער באַגלויבט. 8 מויל צו מויל רעד איך מיט אים, און באַשיינפּערלעך און ניט מיט רעטענישן, און די געשטאַלט פון גאָט קוקט ער אָן. און ווי אַזוי האָט איר ניט מורא געהאַט צו רעדן אויף מיין קנעכט, אויף משהן? 9 און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף זיי; און ער איז אַוועקגעגאַנגען. 10 און ווי דער וואָלקן האָט זיך אָפּגעטאָן פון איבערן געצעלט, ערשט מרים איז מצורע [ווייס] ווי שניי. און אַהרן האָט זיך אומגעקערט צו מרימען, ערשט זי איז מצורע. 11 האָט אַהרן געזאָגט צו משהן: איך בעט דיך, מיין האַר,

[א] די קברים פון תאווה.

מֹשֶׁה בִּי אֲדֹנִי אַל־נָא תָשֵׁת עָלֵינוּ חַטָּאת אֲשֶׁר נוֹאַלְנוּ
וַאֲשֶׁר חָטָאנוּ׃ אַל־נָא תְהִי כַּמֵּת אֲשֶׁר בְּצֵאתוֹ מֵרֶחֶם יב
אִמּוֹ וַיֵּאָכֵל חֲצִי בְשָׂרוֹ׃ וַיִּצְעַק מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה לֵאמֹר אֵל יג
נָא רְפָא נָא לָהּ׃ פ
וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאָבִיהָ יָרֹק יָרַק בְּפָנֶיהָ הֲלֹא מפ׳
תִכָּלֵם שִׁבְעַת יָמִים תִּסָּגֵר שִׁבְעַת יָמִים מִחוּץ לַמַּחֲנֶה
וְאַחַר תֵּאָסֵף׃ וַתִּסָּגֵר מִרְיָם מִחוּץ לַמַּחֲנֶה שִׁבְעַת יָמִים טו
וְהָעָם לֹא נָסַע עַד־הֵאָסֵף מִרְיָם׃ וְאַחַר נָסְעוּ הָעָם מֵחֲצֵרוֹת טז
וַיַּחֲנוּ בְּמִדְבַּר פָּארָן׃ פ

זאָלסט ניט אַרויפטאָן אויף אונדז אַ זינד, וואָס מיר האָבן זיך באַנאַרישט און וואָס מיר האָבן געזינדיקט. [12] זאָל זי, איך בעט דיך, ניט זיין אַזוי ווי אַ טויטגעבאָרענער וואָס זיין פלייש איז האַלב צעגעסן ווען ער גייט אַרויס פון זיין מוטערס טראַכט. [13] און משה האָט געשריען צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: גאָט, איך בעט דיך, הייל זי, איך בעט דיך. [14] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: אַז איר פאָטער וואָלט איר אין פּנים געשפּיגן, וואָלט זי זיך ניט געשעמט זיבן טעג? זאָל זי זיין איינגעשלאָסן זיבן טעג אויסן לאַגער, און דערנאָך זאָל זי אַריינגענומען ווערן.

[15] איז מרים געווען איינגעשלאָסן אויסן לאַגער זיבן טעג; און דאָס פאָלק האָט ניט געצויגן ביז מרים איז אַריינגענומען געוואָרן. [16] און דערנאָך האָט דאָס פאָלק געצויגן פון חַצֵרות, און זיי האָבן גערוט אין מדבר פּאָרָן.

# שְׁלַח

יג

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ שְׁלַח־לְךָ אֲנָשִׁים וְיָתֻרוּ א ב
אֶת־אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר־אֲנִי נֹתֵן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ אֶחָד
אִישׁ אֶחָד לְמַטֵּה אֲבֹתָיו תִּשְׁלָחוּ כֹּל נָשִׂיא בָהֶם׃ וַיִּשְׁלַח ג
אֹתָם מֹשֶׁה מִמִּדְבַּר פָּארָן עַל־פִּי יְהוָה כֻּלָּם אֲנָשִׁים
רָאשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הֵמָּה׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹתָם לְמַטֵּה רְאוּבֵן ד
שַׁמּוּעַ בֶּן־זַכּוּר׃ לְמַטֵּה שִׁמְעוֹן שָׁפָט בֶּן־חוֹרִי׃ לְמַטֵּה ה ו
יְהוּדָה כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה׃ לְמַטֵּה יִשָּׂשכָר יִגְאָל בֶּן־יוֹסֵף׃ ז
לְמַטֵּה אֶפְרָיִם הוֹשֵׁעַ בִּן־נוּן׃ לְמַטֵּה בִנְיָמִן פַּלְטִי בֶּן ח ט
רָפוּא׃ לְמַטֵּה זְבוּלֻן גַּדִּיאֵל בֶּן־סוֹדִי׃ לְמַטֵּה יוֹסֵף י יא
לְמַטֵּה מְנַשֶּׁה גַּדִּי בֶּן־סוּסִי׃ לְמַטֵּה דָן עַמִּיאֵל בֶּן־גְּמַלִּי׃ יב
לְמַטֵּה אָשֵׁר סְתוּר בֶּן־מִיכָאֵל׃ לְמַטֵּה נַפְתָּלִי נַחְבִּי יג יד
בֶּן־וָפְסִי׃ לְמַטֵּה גָד גְּאוּאֵל בֶּן־מָכִי׃ אֵלֶּה שְׁמוֹת טו טז
הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־שָׁלַח מֹשֶׁה לָתוּר אֶת־הָאָרֶץ וַיִּקְרָא
מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן־נוּן יְהוֹשֻׁעַ׃ וַיִּשְׁלַח אֹתָם מֹשֶׁה לָתוּר יז
אֶת־אֶרֶץ כְּנָעַן וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם עֲלוּ זֶה בַּנֶּגֶב וַעֲלִיתֶם
אֶת־הָהָר׃ וּרְאִיתֶם אֶת־הָאָרֶץ מַה־הִוא וְאֶת־הָעָם הַיֹּשֵׁב יח

יג, ב׳ קמץ בזק ח׳ קמץ בטרחא

**יג** [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] שיק דיר מענטשן, זיי זאָלן אויסקוקן דאָס לאַנד כּנַעַן, וואָס איך גיב צו די קינדער פון ישראל; צו איין מאַן, צו איין מאַן פאַר זיין פאָטערשטאַם זאָלט איר שיקן; איטלעכער אַ פירשט צווישן זיי.

[3] און משה האָט זיי געשיקט פון מדבר פּאָרָן לויט דעם מויל פון גאָט; זיי אַלע זיינען געווען מענטשן הויפּטלייט פון די קינדער פון ישראל. [4] און דאָס זיינען זייערע נעמען: פאַר שבט ראובן, שַמוּעַ דער זון פון זַכּורן. [5] פאַר שבט שמעון, שָפָט דער זון פון חורין. [6] פאַר שבט יהודה, כָּלֵב דער זון פון יפוּנֶהן. [7] פאַר שבט יִששָׂכָר, יִגְאָל דער זון פון יוספן. [8] פאַר שבט אפרים, הוֹשֵעַ דער זון פון נון. [9] פאַר שבט בנימין, פַּלטי דער זון פון רָפוּאן. [10] פאַר שבט זבולון, גַדיאֵל דער זון פון סודין. [11] פאַר שבט יוסף: פאַר שבט מנשה, גַדי דער זון פון סוסין. [12] פאַר שבט דָן, עַמיאֵל דער זון פון גמַלין. [13] פאַר שבט אָשר, סתור דער זון פון מיכָאֵלן. [14] פאַר שבט נפתלי, נַחבי דער זון פון וָפסין. [15] פאַר שבט גָד, גְאוּאֵל דער זון פון מָכין. [16] דאָס זיינען די נעמען פון די מענטשן וואָס משה האָט געשיקט אויסקוקן דאָס לאַנד. און משה האָט גערופן הוֹשֵעַ דעם זון פון נון, יהוֹשוּעַ. [17] און משה האָט זיי געשיקט אויסקוקן דאָס לאַנד כּנַעַן, און האָט צו זיי געזאָגט: גייט אַרויף אַהין קיין דָרום, און גייט אַרויף אין דעם געבערג. [18] און איר זאָלט אָנקוקן דאָס לאַנד, וואָס דאָס איז, און דאָס פאָלק וואָס זיצט

יט עָלֶיהָ הֶחָזָק הוּא הֲרָפֶה הַמְעַט הוּא אִם־רָב׃ וּמָה הָאָרֶץ
אֲשֶׁר־הוּא יֹשֵׁב בָּהּ הֲטוֹבָה הִוא אִם־רָעָה וּמָה הֶעָרִים
כ אֲשֶׁר־הוּא יוֹשֵׁב בָּהֵנָּה הַבְּמַחֲנִים אִם בְּמִבְצָרִים׃ וּמָה
הָאָרֶץ הַשְּׁמֵנָה הִוא אִם־רָזָה הֲיֵשׁ־בָּהּ עֵץ אִם־אַיִן
וְהִתְחַזַּקְתֶּם וּלְקַחְתֶּם מִפְּרִי הָאָרֶץ וְהַיָּמִים יְמֵי בִּכּוּרֵי
שני עֲנָבִים׃ וַיַּעֲלוּ וַיָּתֻרוּ אֶת־הָאָרֶץ מִמִּדְבַּר־צִן עַד־רְחֹב לְבֹא
כב חֲמָת׃ וַיַּעֲלוּ בַנֶּגֶב וַיָּבֹא עַד־חֶבְרוֹן וְשָׁם אֲחִימַן שֵׁשַׁי
וְתַלְמַי יְלִידֵי הָעֲנָק וְחֶבְרוֹן שֶׁבַע שָׁנִים נִבְנְתָה לִפְנֵי צֹעַן
כג מִצְרָיִם׃ וַיָּבֹאוּ עַד־נַחַל אֶשְׁכֹּל וַיִּכְרְתוּ מִשָּׁם זְמוֹרָה
וְאֶשְׁכּוֹל עֲנָבִים אֶחָד וַיִּשָּׂאֻהוּ בַמּוֹט בִּשְׁנָיִם וּמִן־הָרִמֹּנִים
כד וּמִן־הַתְּאֵנִים׃ לַמָּקוֹם הַהוּא קָרָא נַחַל אֶשְׁכּוֹל עַל אֹדוֹת
כה הָאֶשְׁכּוֹל אֲשֶׁר־כָּרְתוּ מִשָּׁם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּשֻׁבוּ מִתּוּר
כו הָאָרֶץ מִקֵּץ אַרְבָּעִים יוֹם׃ וַיֵּלְכוּ וַיָּבֹאוּ אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־
אַהֲרֹן וְאֶל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־מִדְבַּר פָּארָן קָדֵשָׁה
וַיָּשִׁיבוּ אֹתָם דָּבָר וְאֶת־כָּל־הָעֵדָה וַיַּרְאוּם אֶת־פְּרִי הָאָרֶץ׃
כז וַיְסַפְּרוּ־לוֹ וַיֹּאמְרוּ בָּאנוּ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר שְׁלַחְתָּנוּ וְגַם
כח זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ הִוא וְזֶה־פִּרְיָהּ׃ אֶפֶס כִּי־עַז הָעָם הַיֹּשֵׁב
בָּאָרֶץ וְהֶעָרִים בְּצֻרוֹת גְּדֹלֹת מְאֹד וְגַם־יְלִדֵי הָעֲנָק רָאִינוּ
כט שָׁם׃ עֲמָלֵק יוֹשֵׁב בְּאֶרֶץ הַנֶּגֶב וְהַחִתִּי וְהַיְבוּסִי וְהָאֱמֹרִי
ל יוֹשֵׁב בָּהָר וְהַכְּנַעֲנִי יֹשֵׁב עַל־הַיָּם וְעַל יַד הַיַּרְדֵּן׃ וַיַּהַס
כָּלֵב אֶת־הָעָם אֶל־מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר עָלֹה נַעֲלֶה וְיָרַשְׁנוּ אֹתָהּ
לא כִּי־יָכוֹל נוּכַל לָהּ׃ וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־עָלוּ עִמּוֹ אָמְרוּ לֹא
לב נוּכַל לַעֲלוֹת אֶל־הָעָם כִּי־חָזָק הוּא מִמֶּנּוּ׃ וַיֹּצִיאוּ דִּבַּת
הָאָרֶץ אֲשֶׁר תָּרוּ אֹתָהּ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הָאָרֶץ
אֲשֶׁר עָבַרְנוּ בָהּ לָתוּר אֹתָהּ אֶרֶץ אֹכֶלֶת יוֹשְׁבֶיהָ הִוא
לג וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר־רָאִינוּ בְתוֹכָהּ אַנְשֵׁי מִדּוֹת׃ וְשָׁם רָאִינוּ

כב ´סבירין ויבאו   ל´ ס רבתי לדעת קצת ספרים

דערויף, אויב ער איז שטאַרק אָדער שוואַך, אויב ער איז ווינציק אָדער פיל; 19 און ווי איז דאָס לאַנד וואָס ער זיצט דרינען, אויב עס איז גוט אָדער שלעכט, און ווי זיינען די שטעט וואָס ער זיצט אין זיי, אין לאַגערן אָדער אין פעסטונגען; 20 און ווי איז די ערד, איז זי פעט אָדער מאָגער, איז דאָ אויף איר געהילץ אָדער ניט. און איר זאָלט אייך שטאַרקן, און ברענגען פון דער פרוכט פון לאַנד.—און די טעג זיינען געווען די טעג פון ערשטע ווינטרויבן.

21 זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען, און האָבן אויסגעקוקט דאָס לאַנד פון מדבר צִן ביז רחוב, ווי מע קומט קיין חֲמָת. 22 און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען קיין דָרום, און זיינען געקומען ביז חֶברון; און דאָרטן זיינען געווען אַחִימַן, שֵׁשַׁי, און תַּלְמַי, קינדער פון עֲנָק.—און חֶברון איז געבויט געוואָרן זיבן יאָר פאַר צוֹעַן אין מִצרַיִם.— 23 און זיי זיינען געקומען ביזן טאָל אֶשכּול, און האָבן אָפּגעשניטן פון דאָרטן אַ צווייג מיט איין הענגל ווינטרויבן, און האָבן עס געטראָגן אויף אַ שטאַנג צאָלבעצווייט; אויך פון די מילגרוימען און פון די פייגן [האָבן זיי גענומען].— 24 יענעם אָרט האָט מען גערופן דער טאָל אֶשכּולא פון וועגן דעם הענגל וואָס די קינדער פון ישראל האָבן אָפּגעשניטן פון דאָרטן.— 25 און זיי האָבן זיך אומגעקערט פון אויסקוקן דאָס לאַנד צום סוף פון פערציק טעג. 26 און זיי זיינען געגאַנגען און געקומען צו משהן און צו אהרנען, און צו דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישראל, אין מדבר פָארָן קיין קָדֵש; און זיי האָבן געבראַכט אַן ענטפער צו זיי און צו דער גאַנצער עדה, און האָבן זיי געוויזן די פרוכט פון לאַנד. 27 און זיי האָבן אים דערציילט, און געזאָגט: מיר זיינען געקומען אין דעם לאַנד וווהין דו האָסט אונדז געשיקט, און עס פליסט אויך מיט מילך און האָניק; און דאָס איז איר פרוכט. 28 אָבער שטאַרק איז דאָס פאָלק וואָס זיצט אין לאַנד, און די שטעט זיינען באַפעסטיקטע, גרויסע ביז גאָר, און אויך די קינדער פון עֲנָק האָבן מיר דאָרטן געזען. 29 עֲמָלֵק זיצט אין דָרום־לאַנד, און דער חִתִּי, און דער יבוסי, און דער אֱמוֹרִי, זיצן אין דעם געבערג, און דער כְּנַעֲנִי זיצט ביים ים און ביים ברעג יַרדן. 30 האָט כָּלֵב איינגעשטילט דאָס פאָלק אַקעגן משהן, און ער האָט געזאָגט: אַרויפגיין וועלן מיר אַרויפגיין, און מיר וועלן עס אַרבן, וואָרום בייקומען וועלן מיר עס בייקומען. 31 אָבער די מענטשן וואָס זיינען אַרויפגעגאַנגען מיט אים, האָבן געזאָגט: מיר קענען ניט אַרויפגיין קעגן דעם פאָלק, וואָרום ער איז שטאַרקער פון אונדז. 32 און זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַ שלעכטן קלאַנג אויף דעם לאַנד וואָס זיי האָבן עס אויסגעקוקט, ביי די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: דאָס לאַנד וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורך דעם, כּדי עס אויסצוקוקן, דאָס איז אַ לאַנד וואָס עסט אויף אירע באַוווינער, און דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס מיר האָבן געזען דרינען, זיינען מענטשן פון גרויסן וווקס. 33 און דאָרטן האָבן מיר געזען די נפילים, די

א העגל.

אֶת־הַנְּפִילִים בְּנֵי עֲנָק מִן־הַנְּפִלִים וַנְּהִי בְעֵינֵינוּ כַּחֲגָבִים
וְכֵן הָיִינוּ בְּעֵינֵיהֶם׃

יד

א וַתִּשָּׂא כָּל־הָעֵדָה וַיִּתְּנוּ אֶת־קוֹלָם וַיִּבְכּוּ הָעָם בַּלַּיְלָה
ב הַהוּא׃ וַיִּלֹּנוּ עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן כֹּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמְרוּ
אֲלֵהֶם כָּל־הָעֵדָה לוּ־מַתְנוּ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם אוֹ בַּמִּדְבָּר
ג הַזֶּה לוּ־מָתְנוּ׃ וְלָמָה יְהוָה מֵבִיא אֹתָנוּ אֶל־הָאָרֶץ הַזֹּאת
לִנְפֹּל בַּחֶרֶב נָשֵׁינוּ וְטַפֵּנוּ יִהְיוּ לָבַז הֲלוֹא טוֹב לָנוּ שׁוּב
ד מִצְרָיְמָה׃ וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל־אָחִיו נִתְּנָה רֹאשׁ וְנָשׁוּבָה
ה מִצְרָיְמָה׃ וַיִּפֹּל מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן עַל־פְּנֵיהֶם לִפְנֵי כָּל־קְהַל
ו עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן וְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה מִן־
ז הַתָּרִים אֶת־הָאָרֶץ קָרְעוּ בִּגְדֵיהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־כָּל־עֲדַת
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הָאָרֶץ אֲשֶׁר עָבַרְנוּ בָהּ לָתוּר אֹתָהּ
של׳ טוֹבָה הָאָרֶץ מְאֹד מְאֹד׃ אִם־חָפֵץ בָּנוּ יְהוָה וְהֵבִיא
אֹתָנוּ אֶל־הָאָרֶץ הַזֹּאת וּנְתָנָהּ לָנוּ אֶרֶץ אֲשֶׁר־הִוא זָבַת חָלָב
ט וּדְבָשׁ׃ אַךְ בַּיהוָה אַל־תִּמְרֹדוּ וְאַתֶּם אַל־תִּירְאוּ אֶת־עַם
הָאָרֶץ כִּי לַחְמֵנוּ הֵם סָר צִלָּם מֵעֲלֵיהֶם וַיהוָה אִתָּנוּ אַל־
י תִּירָאֻם׃ וַיֹּאמְרוּ כָּל־הָעֵדָה לִרְגּוֹם אֹתָם בָּאֲבָנִים וּכְבוֹד
יְהוָה נִרְאָה בְּאֹהֶל מוֹעֵד אֶל־כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ פ
יא וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה עַד־אָנָה יְנַאֲצֻנִי הָעָם הַזֶּה וְעַד־
אָנָה לֹא־יַאֲמִינוּ בִי בְּכֹל הָאֹתוֹת אֲשֶׁר עָשִׂיתִי בְּקִרְבּוֹ׃
יב אַכֶּנּוּ בַדֶּבֶר וְאוֹרִשֶׁנּוּ וְאֶעֱשֶׂה אֹתְךָ לְגוֹי־גָּדוֹל וְעָצוּם
יג מִמֶּנּוּ׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה וְשָׁמְעוּ מִצְרַיִם כִּי־הֶעֱלִיתָ
יד בְכֹחֲךָ אֶת־הָעָם הַזֶּה מִקִּרְבּוֹ׃ וְאָמְרוּ אֶל־יוֹשֵׁב הָאָרֶץ
הַזֹּאת שָׁמְעוּ כִּי־אַתָּה יְהוָה בְּקֶרֶב הָעָם הַזֶּה אֲשֶׁר־עַיִן
בְּעַיִן נִרְאָה ׀ אַתָּה יְהוָה וַעֲנָנְךָ עֹמֵד עֲלֵהֶם וּבְעַמֻּד עָנָן
טו אַתָּה הֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם יוֹמָם וּבְעַמּוּד אֵשׁ לָיְלָה׃ וְהֵמַתָּה
אֶת־הָעָם הַזֶּה כְּאִישׁ אֶחָד וְאָמְרוּ הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־שָׁמְעוּ אֶת־

זיין פון ענק וואָס פון די נפילים; און מיר זיינען געוועזן ווי היישעריקן אין אונדזערע אויגן, און אַזוי זיינען מיר געוועזן אין זייערע אויגן.

יד 1 האָט די גאַנצע עדה אויפגעהויבן און אַרויסגעלאָזט זייער קול; און דאָס פאָלק האָט געוויינט אין יענער נאַכט. 2 און אַלע קינדער פון ישראל האָבן געמורמלט אויף משהן און אויף אַהרנען, און די גאַנצע עדה האָט צו זיי געזאָגט: הלוואַי וואָלטן מיר געשטאָרבן אין לאַנד מִצרַיִם, אָדער הלוואַי וואָלטן מיר געשטאָרבן אין דעמדאָזיקן מדבר! 3 און נאָך וואָס ברענגט אונדז גאָט אין דעמדאָזיקן לאַנד, צו פאַלן דורכן שווערד, אונדזערע ווייבער און אונדזערע קליינע קינדער זאָלן ווערן צו רויב? איז ניט בעסער פאַר אונדז זיך אומצוקערן קיין מִצרַיִם? 4 און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: לאָמיר מאַכן אַ הויפטמאַן, און זיך אומקערן קיין מִצרַיִם. 5 זיינען משה און אהרן געפאַלן אויף זייער פנים פאַר דער גאַנצער איינזאַמלונג פון דער עדה פון די קינדער פון ישראל. 6 און יהושע דער זון פון נון, און כָּלֵב דער זון פון יפונהן, פון די וואָס האָבן אויסגעקוקט דאָס לאַנד, האָבן צעריסן זייערע קליידער, 7 און האָבן געזאָגט צו דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: דאָס לאַנד, וואָס מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורך דעם, כדי עס אויסצוקוקן, דאָס לאַנד איז זייער זייער גוט. 8 אויב גאָט באַגערט אונדז, וועט ער אונדז ברענגען אין דעמדאָזיקן לאַנד, און וועט עס אונדז געבן—אַ לאַנד וואָס זי פליסט מיט מילך און האָניק. 9 איר זאָלט נאָר ניט ווידערשפעניקן אַן גאָט, און ניט מורא האָבן פאַר דעם פאָלק פון לאַנד, וואָרום אונדזער ברויט זיינען זיי; זייער שאָטן האָט זיך אָפּגעטאָן פון זיי, און גאָט איז מיט אונדז; איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַר זיי. 10 האָט די גאַנצע עדה געזאָגט, מע זאָל זיי פאַרוואַרפן מיט שטיינער; אָבער די פראַכט פון גאָט האָט זיך באַוויזן אין אוהל־מועד צו אַלע קינדער פון ישראל.

11 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: ביז וואַנען וועט דאָסדאָזיקע פאָלק מיך לעסטערן? און ביז וואַנען וועלן זיי ניט גלויבן אין מיר, ביי אַלדי צייכנס וואָס איך האָב געמאַכט צווישן אים? 12 איך וועל אים שלאָגן מיט פעסט, און וועל אים אויסראָטן, און וועל דיך מאַכן פאַר אַ פאָלק גרעסער און מאַכטיקער פון אים. 13 האָט משה געזאָגט צו גאָט: אַז די מִצרַיִם וועלן הערן—וואָרום דו האָסט דאָך אויפגעבראַכט מיט דיין שטאַרקייט דאָסדאָזיקע פאָלק פון צווישן זיי— 14 וועלן זיי זאָגן צו די באַוווינער פון דעמדאָזיקן לאַנד, וואָס האָבן געהערט אַז דו, יהוה, ביסט צווישן דעמדאָזיקן פאָלק; וואָרום אויג אין אויג ביסט דו, יהוה, געזען געוואָרן, און דיין וואָלקן שטייט איבער זיי, און אין אַ וואָלקנזייל גייסטו זיי פאָרויס ביי טאָג, און אין אַ פייערזייל ביי נאַכט— 15 איז, אַז דו וועסט טייטן דאָסדאָזיקע פאָלק אַזוי ווי איין מאַן, אַזוי

טז שִׁמְעֲךָ לֵאמֹר׃ מִבִּלְתִּי יְכֹלֶת יְהוָה לְהָבִיא אֶת־הָעָם
יז הַזֶּה אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע לָהֶם וַיִּשְׁחָטֵם בַּמִּדְבָּר׃ וְעַתָּה
יח יִגְדַּל־נָא כֹּחַ אֲדֹנָי כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ לֵאמֹר׃ יְהוָה אֶרֶךְ
אַפַּיִם וְרַב־חֶסֶד נֹשֵׂא עָוֺן וָפָשַׁע וְנַקֵּה לֹא יְנַקֶּה פֹּקֵד עֲוֺן
יט אָבוֹת עַל־בָּנִים עַל־שִׁלֵּשִׁים וְעַל־רִבֵּעִים׃ סְלַח־נָא לַעֲוֺן
הָעָם הַזֶּה כְּגֹדֶל חַסְדֶּךָ וְכַאֲשֶׁר נָשָׂאתָה לָעָם הַזֶּה מִמִּצְרַיִם
כ כא וְעַד־הֵנָּה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ׃ וְאוּלָם חַי־אָנִי
כב וְיִמָּלֵא כְבוֹד־יְהוָה אֶת־כָּל־הָאָרֶץ׃ כִּי כָל־הָאֲנָשִׁים
הָרֹאִים אֶת־כְּבֹדִי וְאֶת־אֹתֹתַי אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי בְמִצְרַיִם
וּבַמִּדְבָּר וַיְנַסּוּ אֹתִי זֶה עֶשֶׂר פְּעָמִים וְלֹא שָׁמְעוּ בְּקוֹלִי׃
כג אִם־יִרְאוּ אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי לַאֲבֹתָם וְכָל־מְנַאֲצַי
כד לֹא יִרְאוּהָ׃ וְעַבְדִּי כָלֵב עֵקֶב הָיְתָה רוּחַ אַחֶרֶת עִמּוֹ
וַיְמַלֵּא אַחֲרָי וַהֲבִיאֹתִיו אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־בָּא שָׁמָּה וְזַרְעוֹ
כה יוֹרִשֶׁנָּה׃ וְהָעֲמָלֵקִי וְהַכְּנַעֲנִי יוֹשֵׁב בָּעֵמֶק מָחָר פְּנוּ וּסְעוּ
לָכֶם הַמִּדְבָּר דֶּרֶךְ יַם־סוּף׃ פ
רב׳ כז וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר׃ עַד־מָתַי לָעֵדָה
הָרָעָה הַזֹּאת אֲשֶׁר הֵמָּה מַלִּינִים עָלָי אֶת־תְּלֻנּוֹת בְּנֵי
כח יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הֵמָּה מַלִּינִים עָלַי שָׁמָעְתִּי׃ אֱמֹר אֲלֵהֶם חַי־
אָנִי נְאֻם־יְהוָה אִם־לֹא כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתֶּם בְּאָזְנָי כֵּן אֶעֱשֶׂה
כט לָכֶם׃ בַּמִּדְבָּר הַזֶּה יִפְּלוּ פִגְרֵיכֶם וְכָל־פְּקֻדֵיכֶם לְכָל־
מִסְפַּרְכֶם מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמָעְלָה אֲשֶׁר הֲלִינֹתֶם עָלָי׃
ל אִם־אַתֶּם תָּבֹאוּ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָשָׂאתִי אֶת־יָדִי לְשַׁכֵּן
לא אֶתְכֶם בָּהּ כִּי אִם־כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן׃ וְטַפְּכֶם
אֲשֶׁר אֲמַרְתֶּם לָבַז יִהְיֶה וְהֵבֵיאתִי אֹתָם וְיָדְעוּ אֶת־הָאָרֶץ
לב אֲשֶׁר מְאַסְתֶּם בָּהּ׃ וּפִגְרֵיכֶם אַתֶּם יִפְּלוּ בַּמִּדְבָּר הַזֶּה׃
לג וּבְנֵיכֶם יִהְיוּ רֹעִים בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה וְנָשְׂאוּ אֶת־
לד זְנוּתֵיכֶם עַד־תֹּם פִּגְרֵיכֶם בַּמִּדְבָּר׃ בְּמִסְפַּר הַיָּמִים אֲשֶׁר־

יז׳ י רבתי   לא׳ מלא י

וועלן זאָגן די אומות וואָס האָבן געהערט דיין הערונג, אַזוי צו זאָגן: [16] ווייל יהוה איז ניט ביכולת צו ברענגען דאָסדאָזיקע פאָלק אין דעם לאַנד וואָס ער האָט זיי צוגעשוואָרן, האָט ער זיי אויסגעשאָכטן אין מדבר. [17] דרום זאָל אַצונד גרויס זיין, איך בעט דיך, דער כּוח פון גאָט לויט ווי דו האָסט גערעדט, אַזוי צו זאָגן: [18] גאָט איז איינגעהאַלטן אין צאָרן און רייך אין גענאָד, ער פאַרטראָגט זינד און פאַרברעכן, נאָר שענקען שענקט ער ניט; ער רעכנט זיך פאַר די זינד פון די פאָטערס מיט די קינדער, מיטן דריטן און מיטן פירטן דור. [19] פאַרגיב, איך בעט דיך, די זינד פון דעמדאָזיקן פאָלק, לויט דער גרויסקייט פון דיין חסד, און אַזוי ווי דו האָסט פאַרגעבן דעמדאָזיקן פאָלק פון מִצרַיִם און ביז אַהער.

[20] האָט גאָט געזאָגט: איך האָב פאַרגעבן אַזוי ווי דיין וואָרט. [21] אָבער אַזוי ווי איך לעב, און די פּראַכט פון גאָט איז פול די גאַנצע ערד, [22] אַז די אַלע מענטשן וואָס האָבן געזען מיין פּראַכט און מיינע צייכנס, וואָס איך האָב באַוויזן אין מִצרַיִם און אין מדבר, און פון דעסטוועגן האָבן זיי מיך געפּרוווט שוין צען מאָל, און ניט צוגעהערט צו מיין קָול, [23] אויב זיי וועלן זען דאָס לאַנד, וואָס איך האָב צוגעשוואָרן זייערע עלטערן! יאָ, אַלע וואָס האָבן מיך געלעסטערט, וועלן עס ניט אָנזען. [24] נאָר מיין קנעכט כָּלֵב, ווייל אין אים איז געווען אַן אַנדער גייסט, און ער איז געגאַנגען געטריי נאָך מיר, אים וועל איך ברענגען אין דעם לאַנד, וואָס ער איז אַהין געגאַנגען, און צו זיין זאָמען וועט ער עס לאָזן בירושה. [25] דער עֲמָלֵקי און דער כְּנַעֲני זיצן אין טאָל; מאָרגן קערט איך אום, און ציט איך צום מדבר אויפן וועג צום ים־סוף.

[26] און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן: [27] ביז וואַנען נאָך לאָזן דידאָזיקע בייזע עדה וואָס מורמלען אַקעגן מיר? איך האָב געהערט די מורמלערייען פון די קינדער פון ישראל, וואָס זיי מורמלען אַקעגן מיר. [28] זאָג צו זיי: אַזוי ווי איך לעב, זאָגט גאָט, אויב ניט ווי איר האָט גערעדט אין מיינע אויערן, אַזוי וועל איך טאָן צו אייך! [29] אין דעמדאָזיקן מדבר וועלן פאַלן אייערע פּגרים, און אַלע אייערע געציילטע, לויט אייער גאַנצער צאָל, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, ווייל איר האָט געמורמלט אַקעגן מיר. [30] איר וועט ניט קומען אין דעם לאַנד וואָס איך האָב אויפגעהויבן מיין האַנט[א] אייך צו מאַכן רוען דרינען, אַחוץ כָּלֵב דער זון פון יפונֶהן, און יהושע דער זון פון נון. [31] און אייערע קליינע קינדער וואָס איר האָט געזאָגט, זיי וועלן זיין צו רויב, זיי וועל איך ברענגען אַהין, און זיי וועלן דערקענען דאָס לאַנד, וואָס איר האָט פאַראַכט. [32] אָבער איר — אייערע פּגרים וועלן פאַלן אין דעמדאָזיקן מדבר. [33] און אייערע קינדער וועלן אומוואַנדערן אין מדבר פערציק יאָר, און וועלן ליידן פאַר אייערע אָפּקערונגען, ביז אייערע פּגרים וועלן

[א] ד. ה. געשוואָרן.

תַּרְתֶּם אֶת־הָאָרֶץ אַרְבָּעִים יוֹם יוֹם לַשָּׁנָה יוֹם לַשָּׁנָה
תִּשְׂאוּ אֶת־עֲוֺנֹתֵיכֶם אַרְבָּעִים שָׁנָה וִידַעְתֶּם אֶת־תְּנוּאָתִי׃
אֲנִי יְהוָה דִּבַּרְתִּי אִם־לֹא ׀ זֹאת אֶעֱשֶׂה לְכָל־הָעֵדָה הָרָעָה לה
הַזֹּאת הַנּוֹעָדִים עָלָי בַּמִּדְבָּר הַזֶּה יִתַּמּוּ וְשָׁם יָמֻתוּ׃
וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־שָׁלַח מֹשֶׁה לָתוּר אֶת־הָאָרֶץ וַיָּשֻׁבוּ לו
וַיִּלּוֹנוּ עָלָיו אֶת־כָּל־הָעֵדָה לְהוֹצִיא דִבָּה עַל־הָאָרֶץ׃
וַיָּמֻתוּ הָאֲנָשִׁים מוֹצִאֵי דִבַּת־הָאָרֶץ רָעָה בַּמַּגֵּפָה לִפְנֵי לז
יְהוָה׃ וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן וְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה חָיוּ מִן־הָאֲנָשִׁים הָהֵם לח
הַהֹלְכִים לָתוּר אֶת־הָאָרֶץ׃ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶת־הַדְּבָרִים לט
הָאֵלֶּה אֶל־כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּתְאַבְּלוּ הָעָם מְאֹד׃ וַיַּשְׁכִּמוּ מ
בַבֹּקֶר וַיַּעֲלוּ אֶל־רֹאשׁ־הָהָר לֵאמֹר הִנֶּנּוּ וְעָלִינוּ אֶל־הַמָּקוֹם
אֲשֶׁר־אָמַר יְהוָה כִּי חָטָאנוּ׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה לָמָּה זֶּה אַתֶּם מא
עֹבְרִים אֶת־פִּי יְהוָה וְהִוא לֹא תִצְלָח׃ אַל־תַּעֲלוּ כִּי אֵין מב
יְהוָה בְּקִרְבְּכֶם וְלֹא תִּנָּגְפוּ לִפְנֵי אֹיְבֵיכֶם׃ כִּי הָעֲמָלֵקִי מג
וְהַכְּנַעֲנִי שָׁם לִפְנֵיכֶם וּנְפַלְתֶּם בֶּחָרֶב כִּי־עַל־כֵּן שַׁבְתֶּם
מֵאַחֲרֵי יְהוָה וְלֹא־יִהְיֶה יְהוָה עִמָּכֶם׃ וַיַּעְפִּלוּ לַעֲלוֹת אֶל־ מד
רֹאשׁ הָהָר וַאֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה וּמֹשֶׁה לֹא־מָשׁוּ מִקֶּרֶב
הַמַּחֲנֶה׃ וַיֵּרֶד הָעֲמָלֵקִי וְהַכְּנַעֲנִי הַיֹּשֵׁב בָּהָר הַהוּא וַיַּכּוּם מה
וַיַּכְּתוּם עַד־הַחָרְמָה׃ פ

טו

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל א ב
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כִּי תָבֹאוּ אֶל־אֶרֶץ מוֹשְׁבֹתֵיכֶם אֲשֶׁר אֲנִי
נֹתֵן לָכֶם׃ וַעֲשִׂיתֶם אִשֶּׁה לַיהוָה עֹלָה אוֹ־זֶבַח לְפַלֵּא־ ג
נֶדֶר אוֹ בִנְדָבָה אוֹ בְּמֹעֲדֵיכֶם לַעֲשׂוֹת רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה
מִן־הַבָּקָר אוֹ מִן־הַצֹּאן׃ וְהִקְרִיב הַמַּקְרִיב קָרְבָּנוֹ לַיהוָה ד
מִנְחָה סֹלֶת עִשָּׂרוֹן בָּלוּל בִּרְבִעִית הַהִין שָׁמֶן׃ וְיַיִן ה
לַנֶּסֶךְ רְבִיעִית הַהִין תַּעֲשֶׂה עַל־הָעֹלָה אוֹ לַזָּבַח לַכֶּבֶשׂ

לו׳ וילינו ק

פאַרלענדט ווערן אין מדבר. [34] לויט דער צאָל פון די טעג וואָס איר האָט אויסגעקוקט דאָס לאַנד—פערציק טעג, פאַר אַ טאָג אַ יאָר, פאַר אַ טאָג אַ יאָר, וועט איר טראָגן אײַערע זינד, פערציק יאָר; און איר וועט דערשפירן מײַן אומגענאָד. [35] איך, יהוה, האָב גערעדט; אויב איך וועל דאָס ניט טאָן צו דערדאָזיקער גאַנצער בייזער עדה, וואָס האָט זיך אײַנגעזאַמלט אַקעגן מיר! אין דעם דאָזיקן מדבר וועלן זיי פאַרלענדט ווערן, און דאָ וועלן זיי שטאַרבן.

[36] און די מענטשן וואָס משה האָט געשיקט אויסקוקן דאָס לאַנד, און זיי זײַנען צוריקגעקומען און האָבן געמאַכט מורמלען אַקעגן אים די גאַנצע עדה, מיט אַרויסלאָזן אַ שלעכטן קלאַנג אויפן לאַנד—[37] די מענטשן וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט דעם שלעכטן קלאַנג אויפן לאַנד, זײַנען געשטאָרבן אין אַ מגפה פאַר גאָט. [38] נאָר יהושע דער זון פון נון, און כָּלֵב דער זון פון יפונהן, זײַנען געבליבן לעבן פון יענע מענטשן, וואָס זײַנען געגאַנגען אויסקוקן דאָס לאַנד.

[39] און משה האָט גערעדט דידאָזיקע ווערטער צו אַלע קינדער פון ישראל, און דאָס פאָלק האָט זייער געטרויערט. [40] און זיי האָבן זיך געפעדערט אין דער פרי, און זײַנען אַרויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ באַרג, אַזוי צו זאָגן: אָט זײַנען מיר, און מיר וועלן אַרויפגיין צו דעם אָרט וואָס גאָט האָט געזאָגט; וואָרום מיר האָבן געזינדיקט.

[41] האָט משה געזאָגט: נאָך וואָס דען טרעט איר איבער דעם באַפעל פון גאָט, אַז דאָס וועט ניט באַגליקן? [42] איר זאָלט ניט אַרויפגיין, אַז גאָט איז ניט צווישן אײַך, כּדי איר זאָלט ניט געשלאָגן ווערן פאַר אײַערע פײַנט. [43] וואָרום דער עֲמָלֵקִי און דער כְּנַעֲנִי זײַנען דאָרטן פאַר אײַך, און איר וועט פאַלן דורכן שווערד; וואָרום אַזוי ווי איר האָט אײַך אָפּגעקערט פון הינטער גאָט, וועט גאָט ניט זײַן מיט אײַך.

[44] אָבער זיי האָבן זיך דערוועגט אַרויפצוגיין אויפן שפּיץ באַרג; נאָר דער אָרון פון גאָטס בונד און משה האָבן זיך ניט גערירט פון לאַגער. [45] און דער עֲמָלֵקִי און דער כְּנַעֲנִי, וואָס זײַנען געזעסן אויף יענעם באַרג, האָבן אַראָפּגענידערט, און האָבן זיי געשלאָגן און זיי צעקלאַפּט ביז חָרְמָה.

**טו** [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] רעד צו די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

אַז איר וועט קומען אין דעם לאַנד פון אײַער באַזעצונג וואָס איך גיב אײַך, [3] און איר וועט מאַכן אַ פײַעראָפּפער צו גאָט, אַ בראַנדאָפּפער אָדער אַ שלאַכטאָפּפער, לויט אַ קלאָר אַרויסגערעדטן נדר, אָדער ווי אַ פרייוויליקע גאָב, אָדער אין אײַערע יָום־טובים, כּדי צו מאַכן אַ געשמאַקן ריח צו גאָט, פון רינדער אָדער פון שאָף, [4] זאָל דער וואָס ברענגט זײַן קרבן צו גאָט, ברענגען אַ שפּײַזאָפּפער פון אַ צענטל [אֵיפָה] זעמלמעל פאַרמישט מיט אַ פערטל הין אײל; [5] און ווײַן פאַר אַ גיסאָפּפער, אַ פערטל הין, זאָלסטו מאַכן מיטן בראַנדאָפּפער אָדער צום שלאַכטאָפּפער, פאַר איטלעכן שעפּס.

[6] אויב צו אַ ווידער, זאָלסטו מאַכן אַ שפּייזאָפּפער פון צוויי צענטל זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל אַ דריטל הין; [7] און ווין פאַר אַ גיסאָפּפער, אַ דריטל הין, זאָלסטו ברענגען פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט. [8] און אַז דו וועסט מאַכן אַ יונג רינד פאַר אַ בראַנדאָפּפער אָדער אַ שלאַכט־אָפּפער, לויט אַ קלאָר אַרויסגערעדטן נדר, אָדער פאַר אַ פרידאָפּפער צו גאָט, [9] זאָל מען ברענגען מיטן יונגן רינד אַ שפּייזאָפּפער פון דריי צענטל זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל אַ האַלבן הין; [10] און ווין זאָלסטו ברענגען פאַר אַ גיסאָפּפער אַ האַלבן הין, אַ פייעראָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט. [11] אַזוי זאָל געטאָן ווערן צו איט־לעכן אָקס, אָדער צו איטלעכן ווידער, אָדער צו אַ לאַם פון שעפּסן אָדער פון ציגן. [12] ווי נאָך דער צאָל וואָס איר וועט מאַכן; אַזוי זאָלט איר טאָן צו איטלעכן, לויט זייער צאָל. [13] יעטוועדער אַיינגעבאָרענער זאָל אַזוי מאַכן דידאָזיקע, ביים ברענגען אַ פייעראָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט. [14] און אַז ביי אַייך וועט זיך אויפהאַלטן אַ פרעמדער, אָדער ווער נאָר עס וועט זיין צווישן אַייך, אין אַייערע דור־דורות, און ער וועט מאַכן אַ פייעראָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט, זאָל ער טאָן אַזוי ווי איר טוט. [15] קהל! איין געזעץ זאָל זיין פאַר אַייך און פאַר דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף, אַן אייביק געזעץ אויף אַייערע דור־דורות; ווי איר, אַזוי זאָל זיין דער פרעמדער פאַר גאָט. [16] איין תורה און איין דין זאָל זיין פאַר אַייך און פאַר דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף ביי אַייך.

[17] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [18] רעד צו די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

אַז איר קומט אין דעם לאַנד וואָס איך ברענג אַייך אַהין, [19] איז, אַז איר עסט פון דעם ברויט פון לאַנד, זאָלט איר אָפּשיידן אַן אָפּשיידונג צו גאָט. [20] דאָס ערשטע פון אַייערע טייגמולטערס זאָלט איר אָפּשיידן אַ חלה פאַר אַן אָפּשיידונג; ווי די אָפּשיידונג פון שייער, אַזוי זאָלט איר עס אָפּשיידן. [21] פון דעם ערשטן פון אַייערע טייגמולטערס זאָלט איר געבן אַן אָפּשיידונג צו גאָט אויף אַייערע דור־דורות.

[22] און אַז איר וועט פאַרזען, און איר וועט ניט טאָן אַלע דידאָזיקע געבאָט וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט משהן, [23] אַלץ וואָס גאָט האָט אַייך באַפוילן דורך משהן, פון דעם טאָג וואָס גאָט האָט עס באַפוילן און ווייטער, אויף אַייערע דור־דורות, [24] איז, אויב עס איז, [פאַרהוילן] פון די אויגן פון דער עדה, געטאָן געוואָרן דורך אַ פאַרזע, זאָל די גאַנצע עדה מאַכן איין יונגן אָקס פאַר אַ בראַנדאָפּפער, פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט, מיט זיין שפּייזאָפּפער און זיין גיסאָפּפער, אַזוי ווי דער דין; און איין ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפער. [25] און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישראל, און זיי זאָל פאַרגעבן ווערן, ווייל אַ פאַרזע איז דאָס, און זיי האָבן געבראַכט זייער קרבן, אַ פייעראָפּפער צו גאָט,

ו הָאֶחָד׃ אוֹ לָאַיִל תַּעֲשֶׂה מִנְחָה סֹלֶת שְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים בְּלוּלָה
ז בַשֶּׁמֶן שְׁלִשִׁית הַהִין׃ וְיַיִן לַנֶּסֶךְ שְׁלִשִׁית הַהִין תַּקְרִיב
חמ׳ רֵיחַ־נִיחֹחַ לַיהוָה׃ וְכִי־תַעֲשֶׂה בֶן־בָּקָר עֹלָה אוֹ־זָבַח
ט לְפַלֵּא־נֶדֶר אוֹ־שְׁלָמִים לַיהוָה׃ וְהִקְרִיב עַל־בֶּן־הַבָּקָר
מִנְחָה סֹלֶת שְׁלֹשָׁה עֶשְׂרֹנִים בָּלוּל בַּשֶּׁמֶן חֲצִי הַהִין׃
י וְיַיִן תַּקְרִיב לַנֶּסֶךְ חֲצִי הַהִין אִשֵּׁה רֵיחַ־נִיחֹחַ לַיהוָה׃
יא כָּכָה יֵעָשֶׂה לַשּׁוֹר הָאֶחָד אוֹ לָאַיִל הָאֶחָד אוֹ־לַשֶּׂה
יב בַכְּבָשִׂים אוֹ בָעִזִּים׃ כַּמִּסְפָּר אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּ כָּכָה תַּעֲשׂוּ
יג לָאֶחָד כְּמִסְפָּרָם׃ כָּל־הָאֶזְרָח יַעֲשֶׂה־כָּכָה אֶת־אֵלֶּה
יד לְהַקְרִיב אִשֵּׁה רֵיחַ־נִיחֹחַ לַיהוָה׃ וְכִי־יָגוּר אִתְּכֶם גֵּר אוֹ
אֲשֶׁר־בְּתוֹכְכֶם לְדֹרֹתֵיכֶם וְעָשָׂה אִשֵּׁה רֵיחַ־נִיחֹחַ לַיהוָה
טו כַּאֲשֶׁר תַּעֲשׂוּ כֵּן יַעֲשֶׂה׃ הַקָּהָל חֻקָּה אַחַת לָכֶם וְלַגֵּר הַגָּר
טז חֻקַּת עוֹלָם לְדֹרֹתֵיכֶם כָּכֶם כַּגֵּר יִהְיֶה לִפְנֵי יְהוָה׃ תּוֹרָה
אַחַת וּמִשְׁפָּט אֶחָד יִהְיֶה לָכֶם וְלַגֵּר הַגָּר אִתְּכֶם׃ פ
ששי יח וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם בְּבֹאֲכֶם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא אֶתְכֶם
יט שָׁמָּה׃ וְהָיָה בַּאֲכָלְכֶם מִלֶּחֶם הָאָרֶץ תָּרִימוּ תְרוּמָה
כ לַיהוָה׃ רֵאשִׁית עֲרִסֹתֵכֶם חַלָּה תָּרִימוּ תְרוּמָה כִּתְרוּמַת
כא גֹּרֶן כֵּן תָּרִימוּ אֹתָהּ׃ מֵרֵאשִׁית עֲרִסֹתֵיכֶם תִּתְּנוּ לַיהוָה
כב תְּרוּמָה לְדֹרֹתֵיכֶם׃ ס וְכִי תִשְׁגּוּ וְלֹא תַעֲשׂוּ אֵת
כג כָּל־הַמִּצְוֹת הָאֵלֶּה אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה׃ אֵת כָּל־
אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֲלֵיכֶם בְּיַד־מֹשֶׁה מִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר צִוָּה
כד יְהוָה וָהָלְאָה לְדֹרֹתֵיכֶם׃ וְהָיָה אִם מֵעֵינֵי הָעֵדָה נֶעֶשְׂתָה
לִשְׁגָגָה וְעָשׂוּ כָל־הָעֵדָה פַּר בֶּן־בָּקָר אֶחָד לְעֹלָה לְרֵיחַ
נִיחֹחַ לַיהוָה וּמִנְחָתוֹ וְנִסְכּוֹ כַּמִּשְׁפָּט וּשְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד
כה לְחַטָּת׃ וְכִפֶּר הַכֹּהֵן עַל־כָּל־עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְנִסְלַח
לָהֶם כִּי־שְׁגָגָה הִוא וְהֵם הֵבִיאוּ אֶת־קָרְבָּנָם אִשֶּׁה לַיהוָה

כד׳ חסר א׳

כו וְחַטָּאתָם לִפְנֵי יְהוָה עַל־שִׁגְגָתָם׃ וְנִסְלַח לְכָל־עֲדַת בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל וְלַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכָם כִּי לְכָל־הָעָם בִּשְׁגָגָה׃ ס
שב׳ וְאִם־נֶפֶשׁ אַחַת תֶּחֱטָא בִשְׁגָגָה וְהִקְרִיבָה עֵז בַּת־שְׁנָתָהּ
כח לְחַטָּאת׃ וְכִפֶּר הַכֹּהֵן עַל־הַנֶּפֶשׁ הַשֹּׁגֶגֶת בְּחֶטְאָה בִשְׁגָגָה
כט לִפְנֵי יְהוָה לְכַפֵּר עָלָיו וְנִסְלַח לוֹ׃ הָאֶזְרָח בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל
וְלַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכָם תּוֹרָה אַחַת יִהְיֶה לָכֶם לָעֹשֶׂה בִּשְׁגָגָה׃
ל וְהַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־תַּעֲשֶׂה ׀ בְּיָד רָמָה מִן־הָאֶזְרָח וּמִן־הַגֵּר אֶת־
יְהוָה הוּא מְגַדֵּף וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מִקֶּרֶב עַמָּהּ׃
לא כִּי דְבַר־יְהוָה בָּזָה וְאֶת־מִצְוָתוֹ הֵפַר הִכָּרֵת ׀ תִּכָּרֵת הַנֶּפֶשׁ
הַהִוא עֲוֺנָה בָהּ׃ פ
לב וַיִּהְיוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר וַיִּמְצְאוּ אִישׁ מְקֹשֵׁשׁ עֵצִים
לג בְּיוֹם הַשַּׁבָּת׃ וַיַּקְרִיבוּ אֹתוֹ הַמֹּצְאִים אֹתוֹ מְקֹשֵׁשׁ עֵצִים
לד אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן וְאֶל כָּל־הָעֵדָה׃ וַיַּנִּיחוּ אֹתוֹ בַּמִּשְׁמָר
לה כִּי לֹא פֹרַשׁ מַה־יֵּעָשֶׂה לוֹ׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
מוֹת יוּמַת הָאִישׁ רָגוֹם אֹתוֹ בָאֲבָנִים כָּל־הָעֵדָה מִחוּץ
לו לַמַּחֲנֶה׃ וַיֹּצִיאוּ אֹתוֹ כָּל־הָעֵדָה אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה וַיִּרְגְּמוּ
אֹתוֹ בָּאֲבָנִים וַיָּמֹת כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ
מפ׳ לח וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם וְעָשׂוּ לָהֶם צִיצִת עַל־כַּנְפֵי בִגְדֵיהֶם לְדֹרֹתָם
לט וְנָתְנוּ עַל־צִיצִת הַכָּנָף פְּתִיל תְּכֵלֶת׃ וְהָיָה לָכֶם לְצִיצִת
וּרְאִיתֶם אֹתוֹ וּזְכַרְתֶּם אֶת־כָּל־מִצְוֺת יְהוָה וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם
וְלֹא־תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם אֲשֶׁר־אַתֶּם
מ זֹנִים אַחֲרֵיהֶם׃ לְמַעַן תִּזְכְּרוּ וַעֲשִׂיתֶם אֶת־כָּל־מִצְוֺתָי
מא וִהְיִיתֶם קְדֹשִׁים לֵאלֹהֵיכֶם׃ אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר
הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לִהְיוֹת לָכֶם לֵאלֹהִים אֲנִי
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ פ

כח׳ ה׳ רפה   לא׳ פתח באתנח   ה׳ופה

און זייער זינדאָפּפער פאַר גאָט, פאַר זייער פאַרזע. [26] און דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישראל, און דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף צווישן זיי, וועט פאַרגעבן ווערן, וואָרום ביי דעם גאַנצן פאָלק איז דאָס געווען דורך אַ פאַרזע.

[27] אויב אָבער אַן איינצלנער מענטש וועט זינדיקן דורך אַ פאַרזע, זאָל ער ברענגען אַ יאָריקע ציג פאַר אַ זינדאָפּפער. [28] און דער כהן זאָל מכפר זיין אויף דעם מענטשן וואָס פאַרזעט, ווען ער זינדיקט דורך אַ פאַרזע פאַר גאָט; כדי מכפר צו זיין אויף אים, אַז אים זאָל פאַרגעבן ווערן. [29] פאַר דעם אַיינגעבאָרענעם צווישן די קינדער פון ישראל, און פאַר דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף צווישן זיי—איין געזעץ זאָל זיין ביי אייך פאַר דעם וואָס טוט עפּעס דורך אַ פאַרזע. [30] אָבער דער מענטש וואָס טוט מיט אַ הויכער האַנט, פון די אַיינגעבאָרענע, אָדער פון די פרעמדע, לעסטערט ער גאָט, און יענע זעל זאָל פאַרשניטן ווערן פון צווישן איר פאָלק. [31] וואָרום דאָס וואָרט פון גאָט האָט ער פאַראַכט, און זיין געבאָט האָט ער פאַרשטערט; פאַרשניטן מוז פאַרשניטן ווערן יענע זעל, איר זינד איז אויף איר.

[32] און ווען די קינדער פון ישראל זיינען געווען אין דער מדבר, האָבן זיי געפונען אַ מאַן קלייבנדיק האָלץ אום שבת. [33] האָבן די וואָס האָבן אים געפונען קלייבנדיק האָלץ, אים געבראַכט צו משהן און צו אַהרנען און צו דער גאַנצער עדה. [34] און מע האָט אים אַריינגעזעצט אין וואַך, וואָרום עס איז ניט באַשיידט געוואָרן וואָס אים זאָל געטאָן ווערן. [35] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: טייטן זאָל געטייט ווערן דער מאַן; די גאַנצע עדה זאָל אים פאַרוואַרפן מיט שטיינער אויסן לאַגער. [36] און די גאַנצע עדה האָט אים אַרויסגעפירט אויסן לאַגער, און זיי האָבן אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער, און ער איז געשטאָרבן; אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[37] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [38] רעד צו די קינדער פון ישראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי, זיי זאָלן זיך מאַכן פרענדז אויף די עקן פון זייערע קליידער, אויף זייערע דור־דורות; און זיי זאָלן אַריינטאָן אין די פרענדז פון עק קלייד אַ בלאָען פאָדים. [39] און דאָס זאָל אייך זיין פאַר ציצית, אַז איר זאָלט עס זען, און געדענקען אַלע געבאָט פון גאָט, און זיי טאָן, און איר זאָלט ניט נאָכגיין נאָך אייער האַרצן און נאָך אייערע אויגן, וואָס איר זייט פאַרפירט נאָך זיי; [40] כדי איר זאָלט געדענקען און טאָן אַלע מיינע געבאָט, און זיין הייליק צו אייער גאָט. [41] איך בין יהוה אייער גאָט וואָס האָב אייך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מצרים, אייך צו זיין צום גאָט: איך בין יהוה אייער גאָט.

# קרח

## טז

א וַיִּקַּח קֹרַח בֶּן־יִצְהָר בֶּן־קְהָת בֶּן־לֵוִי וְדָתָן וַאֲבִירָם בְּנֵי
ב אֱלִיאָב וְאוֹן בֶּן־פֶּלֶת בְּנֵי רְאוּבֵן׃ וַיָּקֻמוּ לִפְנֵי מֹשֶׁה
וַאֲנָשִׁים מִבְּנֵי־יִשְׂרָאֵל חֲמִשִּׁים וּמָאתָיִם נְשִׂיאֵי עֵדָה
ג קְרִאֵי מוֹעֵד אַנְשֵׁי־שֵׁם׃ וַיִּקָּהֲלוּ עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן
וַיֹּאמְרוּ אֲלֵהֶם רַב־לָכֶם כִּי כָל־הָעֵדָה כֻּלָּם קְדֹשִׁים
ד וּבְתוֹכָם יְהוָה וּמַדּוּעַ תִּתְנַשְּׂאוּ עַל־קְהַל יְהוָה׃ וַיִּשְׁמַע
ה מֹשֶׁה וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו׃ וַיְדַבֵּר אֶל־קֹרַח וְאֶל־כָּל־עֲדָתוֹ
לֵאמֹר בֹּקֶר וְיֹדַע יְהוָה אֶת־אֲשֶׁר־לוֹ וְאֶת־הַקָּדוֹשׁ וְהִקְרִיב
ו אֵלָיו וְאֵת אֲשֶׁר יִבְחַר־בּוֹ יַקְרִיב אֵלָיו׃ זֹאת עֲשׂוּ קְחוּ־
ז לָכֶם מַחְתּוֹת קֹרַח וְכָל־עֲדָתוֹ׃ וּתְנוּ בָהֵן ׀ אֵשׁ וְשִׂימוּ
עֲלֵיהֶן ׀ קְטֹרֶת לִפְנֵי יְהוָה מָחָר וְהָיָה הָאִישׁ אֲשֶׁר־יִבְחַר
ח יְהוָה הוּא הַקָּדוֹשׁ רַב־לָכֶם בְּנֵי לֵוִי׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־
ט קֹרַח שִׁמְעוּ־נָא בְּנֵי לֵוִי׃ הַמְעַט מִכֶּם כִּי־הִבְדִּיל אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל אֶתְכֶם מֵעֲדַת יִשְׂרָאֵל לְהַקְרִיב אֶתְכֶם אֵלָיו לַעֲבֹד
אֶת־עֲבֹדַת מִשְׁכַּן יְהוָה וְלַעֲמֹד לִפְנֵי הָעֵדָה לְשָׁרְתָם׃
י וַיַּקְרֵב אֹתְךָ וְאֶת־כָּל־אַחֶיךָ בְנֵי־לֵוִי אִתָּךְ וּבִקַּשְׁתֶּם גַּם־
יא כְּהֻנָּה׃ לָכֵן אַתָּה וְכָל־עֲדָתְךָ הַנֹּעָדִים עַל־יְהוָה וְאַהֲרֹן
יב מַה־הוּא כִּי תַלּוֹנוּ עָלָיו׃ וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה לִקְרֹא לְדָתָן
יג וְלַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב וַיֹּאמְרוּ לֹא נַעֲלֶה׃ הַמְעַט כִּי
הֶעֱלִיתָנוּ מֵאֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבַשׁ לַהֲמִיתֵנוּ בַּמִּדְבָּר כִּי־
שני תִשְׂתָּרֵר עָלֵינוּ גַּם־הִשְׂתָּרֵר׃ אַף לֹא אֶל־אֶרֶץ זָבַת חָלָב
וּדְבַשׁ הֲבִיאֹתָנוּ וַתִּתֶּן־לָנוּ נַחֲלַת שָׂדֶה וָכָרֶם הַעֵינֵי
טו הָאֲנָשִׁים הָהֵם תְּנַקֵּר לֹא נַעֲלֶה׃ וַיִּחַר לְמֹשֶׁה מְאֹד
וַיֹּאמֶר אֶל־יְהוָה אַל־תֵּפֶן אֶל־מִנְחָתָם לֹא חֲמוֹר אֶחָד
טז מֵהֶם נָשָׂאתִי וְלֹא הֲרֵעֹתִי אֶת־אַחַד מֵהֶם׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה

יא׳ תלינו ק׳

**טז** 1 און קֹרַח דער זון פון יִצְהָר, דעם זון פון קְהָת, דעם זון פון לֵוִין, און דָתָן און אֲבִירָם, די זין פון אֶליאָבן, און אוֹן דער זון פון פֶּלֶתן, קינדער פון ראובן, האָבן גענומען, 2 און זיך געשטעלט פאַר משהן מיט צוויי הונדערט און פופציק מאַן פון די קינדער פון ישׂראל, פירשטן פון דער עדה, גערופענע פון דער אַיינזאַמלונג, מענטשן מיט אַ נאָמען. 3 און זיי האָבן זיך אַיינגעזאַמלט אַקעגן משהן און אַקעגן אַהרנען, און האָבן צו זיי געזאָגט: גענוג אַייך! וואָרום די גאַנצע עדה זיינען אַלע הייליק, און גאָט איז צווישן זיי, און פאַרוואָס נעמט איר זיך איבער אַקעגן דעם קהל פון גאָט? 4 און ווי משה האָט עס געהערט, אַזוי איז ער געפאַלן אויף זיין פנים. 5 און ער האָט גערעדט צו קֹרחן און צו זיין גאַנצן געזעמל, אַזוי צו זאָגן: אין דער פרי וועט גאָט לאָזן וויסן, ווער עס איז זיינער, און דעם וואָס איז הייליק, וועט ער מאַכן גענענען צו זיך; יאָ, דעם וועמען ער וועט אויסדערוויילן, וועט ער מאַכן גענענען צו זיך. 6 דאָס טוט: נעמט אַייך פייער־פאַנען, קֹרח מיט זיין גאַנצן געזעמל, 7 און לייגט אַריין אין זיי פייער, און טוט אויף זיי אַרויף ווייריך פאַר גאָט, מאָרגן; און עס וועט זיין, דער מאַן וואָס גאָט וועט אויס־דערוויילן, ער איז דער הייליקער. גענוג אַייך, קינדער פון לֵוִי!

8 און משה האָט געזאָגט צו קֹרחן: הערט אַקאָרשט, קינדער פון לֵוִי. 9 ווינציק אַייך וואָס דער גאָט פון ישׂראל האָט אַייך אָפּגעשיידט פון צווישן דער עדה פון די קינדער פון ישׂראל, אַייך צו מאַכן גענענען צו זיך, צו דינען דעם דינסט פון מִשכּן פון גאָט, און צו שטיין פאַר דער עדה, זיי צו באַדינען— 10 וואָס ער האָט געמאַכט גענענען דיך און אַלע דיינע ברידער, די קינדער פון לֵוִי, מיט דיר, אַז איר פאַרלאַנגט אויך די כהונה? 11 פאַרוואָר, דו מיט דיין גאַנצן געזעמל, דאָס זייט איר אַיינגעזאַמלט אַקעגן גאָט; וואָרום וואָס איז אַהרן, אַז איר זאָלט מורמלען אַקעגן אים?

12 און משה האָט געשיקט רופן דָתָן און אֲבִירָם, די זין פון אֶליאָבן; אָבער זיי האָבן געזאָגט: מיר וועלן ניט אַרויפ־קומען. 13 ווינציק וואָס דו האָסט אונדז אויפגעבראַכט פון אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אונדז צו טייטן אין דער מדבר, אַז הערשעווען ווילסטו נאָך הערשעווען איבער אונדז? 14 יאָ, האָסט אונדז ניט געבראַכט אין אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אָדער אונדז געגעבן אַ נחלה פון פעלד און ווייַנגאָרטן. ווילסטו דידאָזיקע מענטשן די אויגן פאַרשטעכן? מיר וועלן ניט אַרויפקומען. 15 האָט משהן זייער געערגערט, און ער האָט געזאָגט צו גאָט: זאָלסט זיך ניט קערן צו זייער אָפּפער; ניט אַן אַיינציקן אייזל האָב איך גענומען פון זיי, און ניט איך האָב שלעכטס געטאָן אַן אַיינציקן פון זיי.

אל־קרח אתה וכל־עדתך היו לפני יהוה אתה והם
ואהרן מחר: וקחו ׀ איש מחתתו ונתתם עליהם קטרת יז
והקרבתם לפני יהוה איש מחתתו חמשים ומאתים
מחתת ואתה ואהרן איש מחתתו: ויקחו איש מחתתו יח
ויתנו עליהם אש וישימו עליהם קטרת ויעמדו פתח
אהל מועד ומשה ואהרן: ויקהל עליהם קרח את־כל־ יט
העדה אל־פתח אהל מועד וירא כבוד־יהוה אל־כל־
העדה: ס וידבר יהוה אל־משה ואל־אהרן לאמר: שלי כ
הבדלו מתוך העדה הזאת ואכלה אתם כרגע: ויפלו כא
על־פניהם ויאמרו אל אלהי הרוחת לכל־בשר האיש כב
אחד יחטא ועל כל־העדה תקצף: ס וידבר יהוה כג
אל־משה לאמר: דבר אל־העדה לאמר העלו מסביב כד
למשכן־קרח דתן ואבירם: ויקם משה וילך אל־ כה
דתן ואבירם וילכו אחריו זקני ישראל: וידבר אל־ כו
העדה לאמר סורו נא מעל אהלי האנשים הרשעים
האלה ואל־תגעו בכל־אשר להם פן־תספו בכל־
חטאתם: ויעלו מעל משכן־קרח דתן ואבירם מסביב כז
ודתן ואבירם יצאו נצבים פתח אהליהם ונשיהם
ובניהם וטפם: ויאמר משה בזאת תדעון כי־יהוה שלחני כח
לעשות את כל־המעשים האלה כי־לא מלבי: אם־כמות כט
כל־האדם ימתון אלה ופקדת כל־האדם יפקד עליהם
לא יהוה שלחני: ואם־בריאה יברא יהוה ופצתה ל
האדמה את־פיה ובלעה אתם ואת־כל־אשר להם וירדו
חיים שאלה וידעתם כי נאצו האנשים האלה את־
יהוה: ויהי ככלתו לדבר את כל־הדברים האלה ותבקע לא
האדמה אשר תחתיהם: ותפתח הארץ את־פיה ותבלע לב
אתם ואת־בתיהם ואת כל־האדם אשר לקרח ואת כל־
הרכוש: וירדו הם וכל־אשר להם חיים שאלה ותכס לג

[16] און משה האָט געזאָגט צו קֹרחן: דו מיט דײַן גאַנצן געזעמל זײַט פאַר גאָט מאָרגן, דו און זיי, און אַהרן. [17] און נעמט איטלעכער זײַן פײערפאַן, און איר זאָלט אַרויפלייגן דערויף ווײַרויך, און ברענגען פאַר גאָט איטלעכער זײַן פײערפאַן, צוויי הונדערט און פופציק פײערפאַנען; אויך דו און אהרן, איטלעכער זײַן פײערפאַן.

[18] האָבן זיי גענומען איטלעכער זײַן פײערפאַן, און זיי האָבן אַרויפגעלייגט אויף זיי פײער, און אַרויפגעטאָן אויף זיי ווײַרויך, און זיי האָבן זיך געשטעלט בײַם אײַנגאַנג פון אוהל־מועד מיט משהן און אַהרנען. [19] און קֹרח האָט אײַנגעזאַמלט אַקעגן זיי די גאַנצע עדה צום אײַנגאַנג פון אוהל־מועד; און די פּראַכט פון גאָט האָט זיך באַוויזן צו דער גאַנצער עדה.

[20] און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן: [21] שיידט אײַך אָפּ פון צווישן דערדאָזיקער עדה, און איך וועל זיי פאַרלענדן אין אַ רגע. [22] זײַנען זיי געפאַלן אויף זייער פנים, און האָבן געזאָגט: גאָט דו גאָט פון די גײַסטער פון אַלע באַשעפענישן, זאָל איין מענטש זינדיקן, און אויף דער גאַנצער עדה זאָלסטו צערענען?

[23] האָט גאָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [24] רעד צו דער עדה, אַזוי צו זאָגן: ציט אָפּ פון אַרום דער וווינונג פון קֹרחן, דָתנען, און אבירמען. [25] איז משה אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען צו דָתנען און אבירמען, און נאָך אים זײַנען געגאַנגען די עלטסטע פון ישראל. [26] און ער האָט גערעדט צו דער עדה, אַזוי צו זאָגן: טרעט אָפּ, איך בעט אײַך, פון לעבן די געצעלטן פון דידאָזיקע שלעכטע מענטשן, און איר זאָלט זיך ניט אָנרירן אָן אַלץ וואָס איז זייערס, כדי איר זאָלט ניט אומגעבראַכט ווערן דורך אַלע זייערע זינד. [27] האָבן זיי אָפּגעצויגן פון דער וווינונג פון קֹרחן, דָתנען, און אבירמען, פון רונד אַרום; און דָתן און אבירם זײַנען אַרויסגעגאַנגען, זיך שטעלנדיק אין אײַנגאַנג פון זייערע געצעלטן, מיט זייערע ווײַבער און זייערע זין און זייערע קליינע קינדער. [28] האָט משה געזאָגט: דורך דעם וועט איר וויסן, אַז גאָט האָט מיך געשיקט צו טאָן אַלע דידאָזיקע טואונגען, אַז דאָס איז ניט פון מײַן האַרצן. [29] אויב אַזוי ווי אַלע מענטשן שטאַרבן, וועלן דידאָזיקע שטאַרבן, און די באַשערונג פון אַלע מענטשן וועט זיי באַשערט זײַן, האָט מיך גאָט ניט געשיקט. [30] אויב אָבער אַ באַשאַפונג וועט באַשאַפן גאָט, און די ערד וועט אויפמאַכן איר מויל, און וועט אײַנשלינגען זיי און אַלץ וואָס איז זייערס, און זיי וועלן אַראָפּנידערן לעבעדיקערהייט אין אונטערערד, וועט איר וויסן, אַז דידאָזיקע מענטשן האָבן געלעסטערט גאָט.

[31] און עס איז געווען, ווי ער האָט געענדיקט רעדן אַלע דידאָזיקע ווערטער, אַזוי האָט זיך אויפגעשפּאָלטן די ערד וואָס אונטער זיי. [32] און די ערד האָט געעפנט איר מויל, און האָט אײַנגעשלונגען זיי, און זייערע הייזער, און אַלע מענטשן וואָס האָבן געהערט צו קֹרחן, און דעם גאַנצן פאַרמעג. [33] און זיי און אַלץ וואָס איז זייערס האָבן אַראָפּגענידערט לעבעדיקערהייט אין אונטערערד, און די ערד האָט זיי צוגעדעקט, און זיי זײַנען אונטערגעגאַנגען פון

צווישן דער עדה. [34] און גאַנץ ישׂראל וואָס רונד אַרום זיי זיינען אַנטלאָפֿן פֿון זייערע קולות, וואָרום זיי האָבן געזאָגט: די ערד וועט אונדז נאָך אַיינשלינגען. [35] און אַ פֿייער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון גאָט, און האָט פֿאַרצערט די צוויי הונדערט און פֿופֿציק מאַן, וואָס האָבן אויפֿגעבראַכט דעם ווייִרויך.

**יז** [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] זאָג צו אֶלעָזָר דעם זון פֿון אַהרן דעם כּהן, ער זאָל אויפֿהייבן די פֿייערפֿאַנען פֿון צווישן דער פֿאַרבּרענונג, און דאָס פֿייער וואַרף אַוועק; וואָרום זיי זיינען געוואָרן הייליק. [3] די פֿייערפֿאַנען פֿון דידאָזיקע, וואָס האָבן פֿאַרזינדיקט זייערע נפֿשות, פֿון זיי זאָל מען מאַכן אויסגעשלאָגענע בלעכן, אַן איבערצוג צום מזבח, וואָרום מע האָט זיי געבראַכט פֿאַר גאָט, און זיי זיינען געוואָרן הייליק; און זיי זאָלן זיין פֿאַר אַ צייכן צו די קינדער פֿון ישׂראל. [4] האָט אֶלעָזָר דער כּהן גענומען די קופּערנע פֿייערפֿאַנען, וואָס די פֿאַרבּרענטע האָבן געבראַכט, און מע האָט זיי אויסגעשלאָגן פֿאַר אַן איבערצוג צום מזבח, [5] אַ דערמאָנונג צו די קינדער פֿון ישׂראל, כּדי אַ פֿרעמדער מענטש, וואָס איז ניט פֿון דעם זאָמען פֿון אַהרן, זאָל ניט גענענען צו ריייכערן ווייִרויך פֿאַר גאָט, אַז ער זאָל ניט ווערן אַזוי ווי קֹרַח און אַזוי ווי זיין געזעמל; אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט צו אים דורך משהן.

[6] און די גאַנצע עדה פֿון די קינדער פֿון ישׂראל האָט אויף מאָרגן געמורמלט אַקעגן משהן און אַקעגן אַהרנען, אַזוי צו זאָגן: איר האָט געטייט דאָס פֿאָלק פֿון גאָט. [7] און עס איז געווען, אַז די עדה האָט זיך אַיינגעזאַמלט אַקעגן משהן און אַקעגן אַהרנען, אַזוי האָבן זיי זיך אומגעקערט צום אוהל־מועד, ערשט אַ וואָלקן האָט אים צוגעדעקט, און די פּראַכט פֿון גאָט האָט זיך באַוויזן. [8] און משה און אַהרן זיינען צוגעגאַנגען פֿאַרן אוהל־מועד, [9] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [10] שיידט אַייך אָפּ פֿון צווישן דערדאָזיקער עדה, און איך וועל זיי פֿאַרלענדן אין אַ רגע. זיינען זיי געפֿאַלן אויף זייער פּנים. [11] און משה האָט געזאָגט צו אַהרנען: נעם די פֿייערפֿאַן, און לייג אויף איר אַרויף פֿייער פֿון מזבח, און טו אַרויף ווייִרויך, און טראָג אויף גיך צו דער עדה, און זיי מכפּר אויף זיי, וואָרום אַ צאָרן איז אַרויסגעגאַנגען פֿון פֿאַר גאָט; די מגפֿה האָט זיך אָנגעהויבן. [12] האָט אַהרן גענומען, אַזוי ווי משה האָט געהייסן, און ער איז אַריינגעלאָפֿן אין מיטן פֿון דער עדה; ערשט די מגפֿה האָט זיך אָנגעהויבן אין פֿאָלק. האָט ער אַרויפֿגעלייגט ווייִרויך, און מכפּר געווען אויפֿן פֿאָלק. [13] און ער איז געשטאַנען צווישן די טויטע און צווישן די לעבעדיקע; און די מגפֿה איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן. [14] און די וואָס זיינען געשטאָרבן אין דער מגפֿה, זיינען געווען פֿערצן טויזנט און זיבן הונדערט, אַחוץ די

לד עֲלֵיהֶם הָאָרֶץ וַיֹּאבְדוּ מִתּוֹךְ הַקָּהָל: וְכָל־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
סְבִיבֹתֵיהֶם נָסוּ לְקֹלָם כִּי אָמְרוּ פֶּן־תִּבְלָעֵנוּ הָאָרֶץ:
לה וְאֵשׁ יָצְאָה מֵאֵת יְהוָה וַתֹּאכַל אֵת הַחֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם אִישׁ
מַקְרִיבֵי הַקְּטֹרֶת: ס

יז

א ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר: אֱמֹר אֶל־אֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן
הַכֹּהֵן וְיָרֵם אֶת־הַמַּחְתֹּת מִבֵּין הַשְּׂרֵפָה וְאֶת־הָאֵשׁ זְרֵה־
ג הָלְאָה כִּי קָדֵשׁוּ: אֵת מַחְתּוֹת הַחַטָּאִים הָאֵלֶּה בְּנַפְשֹׁתָם
וְעָשׂוּ אֹתָם רִקֻּעֵי פַחִים צִפּוּי לַמִּזְבֵּחַ כִּי־הִקְרִיבֻם לִפְנֵי־
ד יְהוָה וַיִּקְדָּשׁוּ וְיִהְיוּ לְאוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל: וַיִּקַּח אֶלְעָזָר
הַכֹּהֵן אֵת מַחְתּוֹת הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר הִקְרִיבוּ הַשְּׂרֻפִים
ה וַיְרַקְּעוּם צִפּוּי לַמִּזְבֵּחַ: זִכָּרוֹן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לְמַעַן אֲשֶׁר
לֹא־יִקְרַב אִישׁ זָר אֲשֶׁר לֹא מִזֶּרַע אַהֲרֹן הוּא לְהַקְטִיר
קְטֹרֶת לִפְנֵי יְהוָה וְלֹא־יִהְיֶה כְקֹרַח וְכַעֲדָתוֹ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר
יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה לוֹ: פ
ו וַיִּלֹּנוּ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מִמָּחֳרָת עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן
ז לֵאמֹר אַתֶּם הֲמִתֶּם אֶת־עַם יְהוָה: וַיְהִי בְּהִקָּהֵל הָעֵדָה
עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן וַיִּפְנוּ אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד וְהִנֵּה כִסָּהוּ
ח הֶעָנָן וַיֵּרָא כְּבוֹד יְהוָה: וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל־פְּנֵי אֹהֶל
רב' י מוֹעֵד: ס וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר: הֵרֹמּוּ מִתּוֹךְ
יא הָעֵדָה הַזֹּאת וַאֲכַלֶּה אֹתָם כְּרָגַע וַיִּפְּלוּ עַל־פְּנֵיהֶם: וַיֹּאמֶר
מֹשֶׁה אֶל־אַהֲרֹן קַח אֶת־הַמַּחְתָּה וְתֶן־עָלֶיהָ אֵשׁ מֵעַל
הַמִּזְבֵּחַ וְשִׂים קְטֹרֶת וְהוֹלֵךְ מְהֵרָה אֶל־הָעֵדָה וְכַפֵּר
יב עֲלֵיהֶם כִּי־יָצָא הַקֶּצֶף מִלִּפְנֵי יְהוָה הֵחֵל הַנָּגֶף: וַיִּקַּח
אַהֲרֹן כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה וַיָּרָץ אֶל־תּוֹךְ הַקָּהָל וְהִנֵּה הֵחֵל
יג הַנֶּגֶף בָּעָם וַיִּתֵּן אֶת־הַקְּטֹרֶת וַיְכַפֵּר עַל־הָעָם: וַיַּעֲמֹד
יד בֵּין־הַמֵּתִים וּבֵין הַחַיִּים וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה: וַיִּהְיוּ הַמֵּתִים
בַּמַּגֵּפָה אַרְבָּעָה עָשָׂר אֶלֶף וּשְׁבַע מֵאוֹת מִלְּבַד הַמֵּתִים

טו עַל־דְּבַר־קֹרַח׃ וַיָּשָׁב אַהֲרֹן אֶל־מֹשֶׁה אֶל־פֶּתַח אֹהֶל
מוֹעֵד וְהַמַּגֵּפָה נֶעֱצָרָה׃ פ
חמ׳ וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר ׀ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
יז וְקַח מֵאִתָּם מַטֶּה מַטֶּה לְבֵית אָב מֵאֵת כָּל־נְשִׂיאֵהֶם
לְבֵית אֲבֹתָם שְׁנֵים עָשָׂר מַטּוֹת אִישׁ אֶת־שְׁמוֹ תִּכְתֹּב עַל־
יח מַטֵּהוּ׃ וְאֵת שֵׁם אַהֲרֹן תִּכְתֹּב עַל־מַטֵּה לֵוִי כִּי מַטֶּה אֶחָד
יט לְרֹאשׁ בֵּית אֲבוֹתָם׃ וְהִנַּחְתָּם בְּאֹהֶל מוֹעֵד לִפְנֵי הָעֵדוּת
כ אֲשֶׁר אִוָּעֵד לָכֶם שָׁמָּה׃ וְהָיָה הָאִישׁ אֲשֶׁר אֶבְחַר־בּוֹ
מַטֵּהוּ יִפְרָח וַהֲשִׁכֹּתִי מֵעָלַי אֶת־תְּלֻנּוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
כא הֵם מַלִּינִם עֲלֵיכֶם׃ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּתְּנוּ
אֵלָיו ׀ כָּל־נְשִׂיאֵיהֶם מַטֶּה לְנָשִׂיא אֶחָד מַטֶּה לְנָשִׂיא אֶחָד
לְבֵית אֲבֹתָם שְׁנֵים עָשָׂר מַטּוֹת וּמַטֵּה אַהֲרֹן בְּתוֹךְ מַטּוֹתָם׃
כב וַיַּנַּח מֹשֶׁה אֶת־הַמַּטֹּת לִפְנֵי יְהוָה בְּאֹהֶל הָעֵדֻת׃ וַיְהִי
כג מִמָּחֳרָת וַיָּבֹא מֹשֶׁה אֶל־אֹהֶל הָעֵדוּת וְהִנֵּה פָּרַח מַטֵּה־
כד אַהֲרֹן לְבֵית לֵוִי וַיֹּצֵא פֶרַח וַיָּצֵץ צִיץ וַיִּגְמֹל שְׁקֵדִים׃ וַיֹּצֵא
מֹשֶׁה אֶת־כָּל־הַמַּטֹּת מִלִּפְנֵי יְהוָה אֶל־כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וַיִּרְאוּ וַיִּקְחוּ אִישׁ מַטֵּהוּ׃ פ
ששי וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה הָשֵׁב אֶת־מַטֵּה אַהֲרֹן לִפְנֵי הָעֵדוּת
לְמִשְׁמֶרֶת לְאוֹת לִבְנֵי־מֶרִי וּתְכַל תְּלוּנֹּתָם מֵעָלַי וְלֹא
כו יָמֻתוּ׃ וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֹתוֹ כֵּן עָשָׂה׃ פ
כז וַיֹּאמְרוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־מֹשֶׁה לֵאמֹר הֵן גָּוַעְנוּ אָבַדְנוּ כֻּלָּנוּ
כח אָבָדְנוּ׃ כֹּל הַקָּרֵב ׀ הַקָּרֵב אֶל־מִשְׁכַּן יְהוָה יָמוּת הַאִם
תַּמְנוּ לִגְוֹעַ׃ ס

יח

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־אַהֲרֹן אַתָּה וּבָנֶיךָ וּבֵית־אָבִיךָ אִתָּךְ תִּשְׂאוּ
אֶת־עֲוֺן הַמִּקְדָּשׁ וְאַתָּה וּבָנֶיךָ אִתָּךְ תִּשְׂאוּ אֶת־עֲוֺן כְּהֻנַּתְכֶם׃
ב וְגַם אֶת־אַחֶיךָ מַטֵּה לֵוִי שֵׁבֶט אָבִיךָ הַקְרֵב אִתָּךְ וְיִלָּווּ

יז, ל חצי הספר בפסוקים כג׳ כצ״ל בהעמדה תחת הצ׳

וואָס זיינען געשטאָרבן וועגן דער מעשה מיט קֹרחן. 15 און אַהרן האָט זיך אומגעקערט צו משהן, צום אַיינגאַנג פון אוהל־מועד, ווען די מגפה איז פאַרהאַלטן געוואָרן.

16 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 17 רעד צו די קינדער פון ישׂראל, און נעם פון זיי צו שטעקן, צו שטעקן פון אַ פאָטערהויז, פון אַלע זייערע פירשטן לויט זייערע פאָטערהייזער, צוועלף שטעקנס; איטלעכנס נאָמען זאָלסטו אויפשרייבן אויף זיין שטעקן. 18 און אַהרנס נאָמען זאָלסטו אויפשרייבן אויף דעם שטעקן פון לֵוִי, וואָרום איין שטעקן זאָל זיין פאַר דעם הויפּט פון זייערע פאָטערהייזער. 19 און זאָלסט זיי אַוועקלייגן אין אוהל־מועד, פאַרן געזעץ, וואָס איך אַנט־פלעק זיך צו אַייך דאָרטן. 20 און עס וועט זיין, דער מאַן וואָס איך וועל אים אויסדערוויילן, וועט זיין שטעקן אויפשפּראָצן; און איך וועל אַיינשטילן פון אַרום מיר די מורמלערייען פון די קינדער פון ישׂראל, וואָס זיי מורמלען אַקעגן אַייך.

21 האָט משה גערעדט צו די קינדער פון ישׂראל, און אַלע זייערע פירשטן האָבן אים געגעבן צו שטעקן פון איטלעכן פירשט, צו שטעקן פון איטלעכן פירשט, לויט זייערע פאָטערהייזער, צוועלף שטעקנס; און דער שטעקן פון אַהרנען איז געווען צווישן זייערע שטעקנס. 22 און משה האָט אַוועקגעלייגט די שטעקנס פאַר גאָט, אין דעם געצעלט פון געזעץ. 23 און עס איז געווען אויף מאָרגן, אַז משה איז געקומען אין דעם געצעלט פון געזעץ, ערשט דער שטעקן פון אַהרנען פאַר לֵוִיס הויז האָט אויפגעשפּראָצט, און אַרויסגעלאָזט שפּראָצונג, און געבליט בליעכץ, און געצייטיקט מאַנדלען. 24 האָט משה אַרויסגעטראָגן אַלע שטעקנס פון פאַר גאָט צו אַלע קינדער פון ישׂראל, און זיי האָבן איבערגעקוקט, און גענומען איטלעכער זיין שטעקן.

25 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: קער אום אַהרנס שטעקן פאַרן געזעץ, פאַר אַ היטונג, פאַר אַ צייכן צו די ווידער־שפּעניקע קינדער, כדי זאָלסט מאַכן אַן ענד צו זייערע מורמלערייען אַרום מיר, און זיי זאָלן ניט שטאַרבן. 26 האָט משה דאָס געטאָן; אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן, אַזוי האָט ער געטאָן.

27 האָבן די קינדער פון ישׂראל געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: זע, מיר קומען אום, מיר גייען אונטער, אַלע גייען מיר אונטער. 28 איטלעכער וואָס גענענט—וואָס גענענט צום מִשכּן פון גאָט, שטאַרבט; צי וועלן מיר אין גאַנצן אומקומען?

יח 1 און גאָט האָט געזאָגט צו אַהרנען: דו און דיינע זין און דאָס הויז פון דיין פאָטער מיט דיר, זאָלט טראָגן די זינד פון דעם הייליקטום[א], און דו און דיינע זין מיט דיר זאָלט טראָגן די זינד פון אַייער כּהונה. 2 און אויך דיינע ברידער, דעם שטאַם לֵוִי, דעם שבט פון דיין פאָטער, מאַך גענענען מיט דיר, און זיי זאָלן זיין באַהעפט צו דיר, און דיך

[א] ד. ה. די אַחריות פאַר די זינד וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן הייליקטום.

עָלֶיךָ וִישָׁרְתוּךָ וְאַתָּה וּבָנֶיךָ אִתָּךְ לִפְנֵי אֹהֶל הָעֵדֻת׃
ג וְשָׁמְרוּ מִשְׁמַרְתְּךָ וּמִשְׁמֶרֶת כָּל־הָאֹהֶל אַךְ אֶל־כְּלֵי הַקֹּדֶשׁ
ד וְאֶל־הַמִּזְבֵּחַ לֹא יִקְרָבוּ וְלֹא־יָמֻתוּ גַם־הֵם גַּם־אַתֶּם׃ וְנִלְווּ
עָלֶיךָ וְשָׁמְרוּ אֶת־מִשְׁמֶרֶת אֹהֶל מוֹעֵד לְכֹל עֲבֹדַת הָאֹהֶל
ה וְזָר לֹא־יִקְרַב אֲלֵיכֶם׃ וּשְׁמַרְתֶּם אֵת מִשְׁמֶרֶת הַקֹּדֶשׁ
וְאֵת מִשְׁמֶרֶת הַמִּזְבֵּחַ וְלֹא־יִהְיֶה עוֹד קֶצֶף עַל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
ו וַאֲנִי הִנֵּה לָקַחְתִּי אֶת־אֲחֵיכֶם הַלְוִיִּם מִתּוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
לָכֶם מַתָּנָה נְתֻנִים לַיהוָה לַעֲבֹד אֶת־עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד׃
ז וְאַתָּה וּבָנֶיךָ אִתְּךָ תִּשְׁמְרוּ אֶת־כְּהֻנַּתְכֶם לְכָל־דְּבַר הַמִּזְבֵּחַ
וּלְמִבֵּית לַפָּרֹכֶת וַעֲבַדְתֶּם עֲבֹדַת מַתָּנָה אֶתֵּן אֶת־כְּהֻנַּתְכֶם
וְהַזָּר הַקָּרֵב יוּמָת׃ פ
ח וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־אַהֲרֹן וַאֲנִי הִנֵּה נָתַתִּי לְךָ אֶת־מִשְׁמֶרֶת
תְּרוּמֹתָי לְכָל־קָדְשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לְךָ נְתַתִּים לְמָשְׁחָה
ט וּלְבָנֶיךָ לְחָק־עוֹלָם׃ זֶה־יִהְיֶה לְךָ מִקֹּדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים מִן־
הָאֵשׁ כָּל־קָרְבָּנָם לְכָל־מִנְחָתָם וּלְכָל־חַטָּאתָם וּלְכָל־
אֲשָׁמָם אֲשֶׁר יָשִׁיבוּ לִי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים לְךָ הוּא וּלְבָנֶיךָ׃
י בְּקֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים תֹּאכְלֶנּוּ כָּל־זָכָר יֹאכַל אֹתוֹ קֹדֶשׁ יִהְיֶה־
יא לָּךְ׃ וְזֶה־לְּךָ תְּרוּמַת מַתָּנָם לְכָל־תְּנוּפֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְךָ
נְתַתִּים וּלְבָנֶיךָ וְלִבְנֹתֶיךָ אִתְּךָ לְחָק־עוֹלָם כָּל־טָהוֹר
יב בְּבֵיתְךָ יֹאכַל אֹתוֹ׃ כֹּל חֵלֶב יִצְהָר וְכָל־חֵלֶב תִּירוֹשׁ
יג וְדָגָן רֵאשִׁיתָם אֲשֶׁר־יִתְּנוּ לַיהוָה לְךָ נְתַתִּים׃ בִּכּוּרֵי כָּל־
אֲשֶׁר בְּאַרְצָם אֲשֶׁר־יָבִיאוּ לַיהוָה לְךָ יִהְיֶה כָּל־טָהוֹר
יד טו בְּבֵיתְךָ יֹאכְלֶנּוּ׃ כָּל־חֵרֶם בְּיִשְׂרָאֵל לְךָ יִהְיֶה׃ כָּל־פֶּטֶר
רֶחֶם לְכָל־בָּשָׂר אֲשֶׁר־יַקְרִיבוּ לַיהוָה בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה
יִהְיֶה־לָּךְ אַךְ ׀ פָּדֹה תִפְדֶּה אֵת בְּכוֹר הָאָדָם וְאֵת בְּכוֹר־
טז הַבְּהֵמָה הַטְּמֵאָה תִּפְדֶּה׃ וּפְדוּיָו מִבֶּן־חֹדֶשׁ תִּפְדֶּה
בְּעֶרְכְּךָ כֶּסֶף חֲמֵשֶׁת שְׁקָלִים בְּשֶׁקֶל הַקֹּדֶשׁ עֶשְׂרִים

ג׳ קמץ בז״ק

באַדינען; און דו און דיינע זין מיט דיר זאָלט זיין פאַר דעם געצעלט פון געזעץ. [3] און זיי זאָלן היטן דיין היטונג, און די היטונג פון גאַנצן געצעלט, אָבער צו די הייליקע כלים און צום מזבח זאָלן זיי ניט גענענען, כדי זיי זאָלן ניט שטאַרבן, אי זיי אי איר. [4] און זיי זאָלן זיין באַהעפט צו דיר, און היטן די היטונג פון אוהל־מועד בײַ איטלעכן דינסט פון געצעלט; און אַ פרעמדער זאָל ניט גענענען צו אײַך. [5] און איר זאָלט היטן די היטונג פון הייליקטום, און די היטונג פון מזבח, כדי עס זאָל מער ניט זיין אַ צאָרן אויף די קינדער פון ישראל. [6] און איך, זע, האָב גענומען אײַערע ברידער די לוִיִם פון צווישן די קינדער פון ישראל; אײַך אַ מתנה זיינען זיי געגעבן פאַר גאָט, צו דינען דעם דינסט פון אוהל־מועד. [7] און דו און דיינע זין מיט דיר זאָלט אָפּהיטן אײַער כהונה בײַ איטלעכער זאַך פון מזבח און אינעווייניק פון פָּרוֹכֶת, און טאָן דעם דינסט; אַ דינסט פאַר אַ מתנה גיב איך אײַך די כהונה, און דער פרעמדער, וואָס גענענט, זאָל געטייט ווערן.

[8] און גאָט האָט גערעדט צו אַהרנען: און איך, זע, האָב דיר געגעבן די היטונג פון מיינע אָפּשיידונגען; פון אַלע געהייליקטע זאַכן פון די קינדער פון ישראל האָב איך זיי געגעבן פאַר אַ חלק צו דיר און צו דיינע קינדער פאַר אַן אייביקן רעכט. [9] דאָס זאָל געהערן צו דיר פון די הייליקסטע הייליקייטן, פון די פייעראָפּפער: אַלע זייערע קרבנות, פון אַלע זייערע שפּייזאָפּפער, און פון אַלע זייערע זינדאָפּפער, און פון אַלע זייערע שולדאָפּפער, וואָס זיי צאָלן אָפּ צו מיר; אַ הייליקסטע הייליקייט איז דאָס, פאַר דיר און פאַר דיינע קינדער. [10] אין אַ הייליקסטן אָרט זאָלסטו עס עסן; איטלעכער מאַנספּאַרשוין מעג עס עסן; הייליק זאָל עס זיין פאַר דיר. [11] און דאָס געהערט צו דיר: די אָפּשיידונג פון זייער גאָב בײַ אַלע אויפהייבונגען פון די קינדער פון ישראל; צו דיר האָב איך זיי געגעבן, און צו דיינע זין און צו דיינע טעכטער מיט דיר, פאַר אַן אייביקן רעכט; איטלעכער וואָס איז ריין אין דיין הויז מעג עס עסן. [12] אַלדאָס בעסטע פון אייל, און אַלדאָס בעסטע פון ווין און תבואה, דאָס ערשטע דערפון וואָס זיי גיבן צו גאָט, דאָס האָב איך געגעבן צו דיר. [13] די ערשטצייטיקע פון אַלץ וואָס אין זייער לאַנד, וואָס זיי ברענגען צו גאָט, זאָלן געהערן צו דיר; איטלעכער וואָס איז ריין אין דיין הויז מעג עס עסן. [14] איטלעכע חרם־זאַך אין ישראל זאָל געהערן צו דיר. [15] איטלעכס וואָס עפנט דעם טראַכט, פון יעטוועדער באַשעפעניש וואָס מע ברענגט צו גאָט, פון אַ מענטשן און פון אַ בהמה, זאָל געהערן צו דיר; אָבער אויסלייזן זאָלסטו לאָזן אויסלייזן דעם בכוֹר פון אַ מענטשן; אויך דעם בכוֹר פון אַן אומריינער בהמה זאָלסטו לאָזן אויסלייזן. [16] און זייער אויסלייז— פון אַ חודש אַלט זאָלסטו לאָזן אויסלייזן—זאָל זיין לויט דיין שאַצונג, פינף שֶקל זילבער, אויפן הייליקן

יז גֵרָה הוּא׃ אַךְ בְּכוֹר־שׁוֹר אוֹ בְכוֹר כֶּשֶׂב אוֹ־בְכוֹר עֵז
לֹא תִפְדֶּה קֹדֶשׁ הֵם אֶת־דָּמָם תִּזְרֹק עַל־הַמִּזְבֵּחַ וְאֶת־
יח חֶלְבָּם תַּקְטִיר אִשֶּׁה לְרֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃ וּבְשָׂרָם יִהְיֶה
יט לְּךָ כַּחֲזֵה הַתְּנוּפָה וּכְשׁוֹק הַיָּמִין לְךָ יִהְיֶה׃ כֹּל ׀ תְּרוּמֹת
הַקֳּדָשִׁים אֲשֶׁר יָרִימוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לַיהוָה נָתַתִּי לְךָ וּלְבָנֶיךָ
וְלִבְנֹתֶיךָ אִתְּךָ לְחָק־עוֹלָם בְּרִית מֶלַח עוֹלָם הִוא לִפְנֵי
כ יְהוָה לְךָ וּלְזַרְעֲךָ אִתָּךְ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־אַהֲרֹן בְּאַרְצָם
לֹא תִנְחָל וְחֵלֶק לֹא־יִהְיֶה לְךָ בְּתוֹכָם אֲנִי חֶלְקְךָ
שב׳ וְנַחֲלָתְךָ בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ ס וְלִבְנֵי לֵוִי הִנֵּה נָתַתִּי
כָּל־מַעֲשֵׂר בְּיִשְׂרָאֵל לְנַחֲלָה חֵלֶף עֲבֹדָתָם אֲשֶׁר־הֵם
כב עֹבְדִים אֶת־עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד׃ וְלֹא־יִקְרְבוּ עוֹד בְּנֵי
כג יִשְׂרָאֵל אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד לָשֵׂאת חֵטְא לָמוּת׃ וְעָבַד הַלֵּוִי
הוּא אֶת־עֲבֹדַת אֹהֶל מוֹעֵד וְהֵם יִשְׂאוּ עֲוֺנָם חֻקַּת עוֹלָם
כד לְדֹרֹתֵיכֶם וּבְתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא יִנְחֲלוּ נַחֲלָה׃ כִּי אֶת־
מַעְשַׂר בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יָרִימוּ לַיהוָה תְּרוּמָה נָתַתִּי
לַלְוִיִּם לְנַחֲלָה עַל־כֵּן אָמַרְתִּי לָהֶם בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
לֹא יִנְחֲלוּ נַחֲלָה׃ פ
כה וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ וְאֶל־הַלְוִיִּם תְּדַבֵּר וְאָמַרְתָּ
כו אֲלֵהֶם כִּי־תִקְחוּ מֵאֵת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַמַּעֲשֵׂר אֲשֶׁר
נָתַתִּי לָכֶם מֵאִתָּם בְּנַחֲלַתְכֶם וַהֲרֵמֹתֶם מִמֶּנּוּ תְּרוּמַת
כז יְהוָה מַעֲשֵׂר מִן־הַמַּעֲשֵׂר׃ וְנֶחְשַׁב לָכֶם תְּרוּמַתְכֶם כַּדָּגָן
כח מִן־הַגֹּרֶן וְכַמְלֵאָה מִן־הַיָּקֶב׃ כֵּן תָּרִימוּ גַם־אַתֶּם תְּרוּמַת
יְהוָה מִכֹּל מַעְשְׂרֹתֵיכֶם אֲשֶׁר תִּקְחוּ מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
כט וּנְתַתֶּם מִמֶּנּוּ אֶת־תְּרוּמַת יְהוָה לְאַהֲרֹן הַכֹּהֵן׃ מִכֹּל
מַתְּנֹתֵיכֶם תָּרִימוּ אֵת כָּל־תְּרוּמַת יְהוָה מִכָּל־חֶלְבּוֹ אֶת־
מפ׳ מִקְדְּשׁוֹ מִמֶּנּוּ׃ וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם בַּהֲרִימְכֶם אֶת־חֶלְבּוֹ
מִמֶּנּוּ וְנֶחְשַׁב לַלְוִיִּם כִּתְבוּאַת גֹּרֶן וְכִתְבוּאַת יָקֶב׃

כ׳ קמץ בז״ק

שֶׁקל, דאָס איז צוואַנציק גֵרָה. 17 אָבער אַ בְּכָור פון אַ רינד, אָדער אַ בְּכָור פון אַ שעפּס, אָדער אַ בְּכָור פון אַ ציג, טאָרסטו ניט לאָזן אויסלייזן; זיי זיינען הייליק. זייער בלוט זאָלסטו שפּרענגען אויפן מזבח, און זייער פעטס זאָלסטו דעמפן פאַר אַ פייעראָפּפער, פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט. 18 און זייער פלייש זאָל געהערן צו דיר; אַזוי ווי די ברוסט פון אויפהייבונג, און אַזוי ווי דער רעכ־טער שענקל, זאָל עס געהערן צו דיר. 19 אַלע אָפּשיי־דונגען פון די הייליקע זאַכן וואָס די קינדער פון ישראל שיידן אָפּ צו גאָט, האָב איך געגעבן צו דיר און צו דיינע זין און צו דיינע טעכטער מיט דיר, פאַר אַן אייביקן רעכט; אַן אייביקער בונד פון זאַלץ איז דאָס פאַר גאָט, דיר און דיין זאָמען מיט דיר.

20 און גאָט האָט געזאָגט צו אַהרנען: אין זייער לאַנד זאָלסטו ניט אַרבן, און קיין חלק זאָלסטו ניט האָבן צווישן זיי; איך בין דיין חלק און דיין נחלה צווישן די קינדער פון ישראל. 21 און צו די קינדער פון לֵוִי, זע, האָב איך געגעבן יעטוועדער מעשׂר אין ישראל פאַר אַן אַרב, פאַר זייער דינסט וואָס זיי דינען, דעם דינסט פון אוהל־מועד. 22 און די קינדער פון ישראל זאָלן מער ניט גענענען צום אוהל־מועד, צו טראָגן אַ חטא און שטאַרבן. 23 נייערט דער לֵוִי, ער זאָל דינען דעם דינסט פון אוהל־מועד; און זיי זאָלן טראָגן זייער זינדא[א]; אַן אייביק געזעץ אויף זייערע דור־דורות. און צווישן די קינדער פון ישראל זאָלן זיי ניט אַרבן קיין אַרבונג. 24 וואָרום דעם מעשׂר פון די קינדער פון ישראל, וואָס זיי שיידן אָפּ פאַר אַן אָפּשיידונג צו גאָט, האָב איך געגעבן צו די לְוִיִּם פאַר אַן אַרבונג; דרום האָב איך וועגן זיי געזאָגט: צווישן די קינדער פון ישראל זאָלן זיי ניט אַרבן קיין אַרבונג.

25 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 26 און צו די לְוִיִּם זאָלסטו רעדן, און זאָגן צו זיי: אַז איר וועט נעמען פון די קינדער פון ישראל דעם מעשׂר וואָס איך האָב אַייך געגעבן פון זיי פאַר אַייער אַרבונג, זאָלט איר אָפּשיידן דער־פון אַן אָפּשיידונג צו גאָט, מעשׂר פון דעם מעשׂר. 27 און אַייער אָפּשיידונג וועט אַייך גערעכנט ווערן אַזוי ווי די תּבואה אויסן שייער, און ווי די שֶׁפע אויסן קעלטער. 28 אַזוי זאָלט איר אויך אָפּשיידן די אָפּשיידונג פון גאָט פון אַלע אַייערע מעשׂרס, וואָס איר וועט נעמען פון די קינדער פון ישראל, און איר זאָלט געבן דערפון די אָפּשיידונג פון גאָט צו אַהרן דעם כֹּהן. 29 פון אַלץ וואָס ווערט אַייך געגעבן זאָלט איר אָפּשיידן די גאַנצע אָפּשיידונג פון גאָט, פון אַלעם בעסטן דערפון, דאָס הייליקע פון דעם. 30 און זאָלסט זאָגן צו זיי: אַז איר שיידט אָפּ פון דעם דאָס בעסטע דערפון, זאָל עס גערעכנט ווערן די לְוִיִּם אַזוי ווי דער אַיינטראָג פון שייער, און אַזוי ווי דער אַיינטראָג פון קעלטער. 31 און איר מעגט

[א] ד. ה. די אַחריות פאַר זייער דינסט.

עס עסן אין יעטוועדער אָרט, איר און אײַער הויזגעזינט, וואָרום דאָס איז אײַך אַ לוין פאַר אײַער דינסט אין אוהל־מועד. 32 און איר וועט ניט טראָגן וועגן דעם אַ זינד, ווען איר שיידט אָפּ פון דעם דאָס בעסטע דערפון. און איר זאָלט ניט פאַרשוועכן די הייליקײטן פון די קינדער פון ישראל, כדי איר זאָלט ניט שטאַרבן.

לא וַאֲכַלְתֶּם אֹתוֹ בְּכָל־מָקוֹם אַתֶּם וּבֵיתְכֶם כִּי־שָׂכָר הוּא
לב לָכֶם חֵלֶף עֲבֹדַתְכֶם בְּאֹהֶל מוֹעֵד׃ וְלֹא־תִשְׂאוּ עָלָיו
חֵטְא בַּהֲרִימְכֶם אֶת־חֶלְבּוֹ מִמֶּנּוּ וְאֶת־קָדְשֵׁי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
לֹא תְחַלְּלוּ וְלֹא תָמוּתוּ׃ פ

# חֻקַּת

## יט

יט 1 און גאָט האָט גערעדט צו משהן און צו אַהרנען, אַזוי צו זאָגן:

2 דאָס איז דאָס געזעץ פון דער תורה, וואָס גאָט האָט באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: רעד צו די קינדער פון ישראל, זיי זאָלן דיר ברענגען אַ רויטע קו, אַ גאַנצע, וואָס אין איר איז ניטאָ קיין מום, וואָס אויף איר איז ניט אַרויף קיין יאָך. 3 און איר זאָלט זי געבן צו אֶלעָזָר דעם כּהן, און מע זאָל זי אַרויספירן אויסן לאַגער, און זי שעכטן פאַר אים. 4 און אֶלעָזָר דער כּהן זאָל נעמען פון איר בלוט מיט זיין פינגער, און שפּריצן פון איר בלוט אַקעגן דער פאָדערזייט פון אוהל־מועד זיבן מאָל. 5 און מע זאָל פאַרברענען די קו פאַר זיינע אויגן; איר פעל און איר פלייש און איר בלוט מיט איר מיסט זאָל מען פאַר־ברענען. 6 און דער כּהן זאָל נעמען צעדערהאָלץ, און אֵזוֹב־גראָז, און ווערמילרויט, און אַריינוואַרפן אין דער פאַרברענונג פון דער קו. 7 און דער כּהן זאָל וואַשן זיינע קליידער, און באָדן זיין לייב אין וואַסער, און דערנאָך מעג ער אַריינקומען אין לאַגער; און דער כּהן זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט. 8 אויך דער וואָס פאַרברענט זי, זאָל וואַשן זיינע קליידער אין וואַסער, און באָדן זיין לייב אין וואַסער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. 9 און אַ ריינער מאַן זאָל אויפזאַמלען די אַש פון דער קו, און אַוועקלייגן אויסן לאַגער אין אַ ריינעם אָרט; און עס זאָל געהאַלטן ווערן פאַר דער עדה פון די קינדער פון ישראל פאַר שפּרענגוואַסער; אַ ריינִיקאָפּפער איז דאָס. 10 און דער וואָס זאַמלט אויף די אַש פון דער קו, זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיין אומריין ביזן אָוונט. און עס זאָל זיין פאַר די קינדער פון ישראל, און פאַר דעם פרעמדן וואָס האַלט זיך אויף צווישן זיי, פאַר אַן אייביקן געזעץ.

11 דער וואָס רירט זיך אָן אָן אַ מת, אָן וואָסער עס איז טויטן לייב פון אַ מענטשן, זאָל זיין אומריין זיבן טעג. 12 ער זאָל זיך ריַיניקן דערמיט אויפן דריטן טאָג און אויפן זיבעטן טאָג, און ווערן ריין; און אויב ער וועט זיך ניט ריַיניקן אויפן דריטן טאָג און אויפן זיבעטן טאָג, זאָל ער ניט ווערן ריין. 13 איטלעכער וואָס רירט זיך אָן אָן אַ מת, אָן דעם לייב פון אַ מענטשן וואָס איז געשטאָרבן, און ער וועט זיך ניט ריַיניקן, האָט ער די רוּאונג פון גאָט פאַראומריַיניקט, און יענע זעל זאָל פאַרשניטן ווערן פון ישראל; אַז שפּרענגוואַסער איז אויף אים ניט געשפּרענגט געוואָרן, זאָל ער זיין אומריין; זיין אומ־ריינקייט איז נאָך אויף אים.

א וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן לֵאמֹר׃
ב זֹאת חֻקַּת
הַתּוֹרָה אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לֵאמֹר דַּבֵּר ׀ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְיִקְחוּ אֵלֶיךָ פָרָה אֲדֻמָּה תְּמִימָה אֲשֶׁר אֵין־בָּהּ מוּם
אֲשֶׁר לֹא־עָלָה עָלֶיהָ עֹל׃
ג וּנְתַתֶּם אֹתָהּ אֶל־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן
וְהוֹצִיא אֹתָהּ אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה וְשָׁחַט אֹתָהּ לְפָנָיו׃
ד וְלָקַח
אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן מִדָּמָהּ בְּאֶצְבָּעוֹ וְהִזָּה אֶל־נֹכַח פְּנֵי אֹהֶל־
מוֹעֵד מִדָּמָהּ שֶׁבַע פְּעָמִים׃
ה וְשָׂרַף אֶת־הַפָּרָה לְעֵינָיו
אֶת־עֹרָהּ וְאֶת־בְּשָׂרָהּ וְאֶת־דָּמָהּ עַל־פִּרְשָׁהּ יִשְׂרֹף׃
ו וְלָקַח
הַכֹּהֵן עֵץ אֶרֶז וְאֵזוֹב וּשְׁנִי תוֹלָעַת וְהִשְׁלִיךְ אֶל־תּוֹךְ
שְׂרֵפַת הַפָּרָה׃
ז וְכִבֶּס בְּגָדָיו הַכֹּהֵן וְרָחַץ בְּשָׂרוֹ בַּמַּיִם
ח וְאַחַר יָבֹא אֶל־הַמַּחֲנֶה וְטָמֵא הַכֹּהֵן עַד־הָעָרֶב׃
וְהַשֹּׂרֵף
אֹתָהּ יְכַבֵּס בְּגָדָיו בַּמַּיִם וְרָחַץ בְּשָׂרוֹ בַּמָּיִם וְטָמֵא עַד־
הָעָרֶב׃
ט וְאָסַף ׀ אִישׁ טָהוֹר אֵת אֵפֶר הַפָּרָה וְהִנִּיחַ
מִחוּץ לַמַּחֲנֶה בְּמָקוֹם טָהוֹר וְהָיְתָה לַעֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
לְמִשְׁמֶרֶת לְמֵי נִדָּה חַטָּאת הִוא׃
י וְכִבֶּס הָאֹסֵף אֶת־אֵפֶר
הַפָּרָה אֶת־בְּגָדָיו וְטָמֵא עַד־הָעָרֶב וְהָיְתָה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל
וְלַגֵּר הַגָּר בְּתוֹכָם לְחֻקַּת עוֹלָם׃
יא הַנֹּגֵעַ בְּמֵת לְכָל־נֶפֶשׁ
אָדָם וְטָמֵא שִׁבְעַת יָמִים׃
יב הוּא יִתְחַטָּא־בוֹ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי
וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי יִטְהָר וְאִם־לֹא יִתְחַטָּא בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי
וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי לֹא יִטְהָר׃
יג כָּל־הַנֹּגֵעַ בְּמֵת בְּנֶפֶשׁ הָאָדָם
אֲשֶׁר־יָמוּת וְלֹא יִתְחַטָּא אֶת־מִשְׁכַּן יְהוָה טִמֵּא וְנִכְרְתָה
הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מִיִּשְׂרָאֵל כִּי מֵי נִדָּה לֹא־זֹרַק עָלָיו טָמֵא

יְהוָה עוֹד טֻמְאָתוֹ בוֹ׃ זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי־יָמוּת בְּאֹהֶל יד
כָּל־הַבָּא אֶל־הָאֹהֶל וְכָל־אֲשֶׁר בָּאֹהֶל יִטְמָא שִׁבְעַת
יָמִים׃ וְכֹל כְּלִי פָתוּחַ אֲשֶׁר אֵין־צָמִיד פָּתִיל עָלָיו טָמֵא טו
הוּא׃ וְכֹל אֲשֶׁר־יִגַּע עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה בַּחֲלַל־חֶרֶב אוֹ בְמֵת טז
אוֹ־בְעֶצֶם אָדָם אוֹ בְקָבֶר יִטְמָא שִׁבְעַת יָמִים׃ וְלָקְחוּ יז
לַטָּמֵא מֵעֲפַר שְׂרֵפַת הַחַטָּאת וְנָתַן עָלָיו מַיִם חַיִּים אֶל־
כֶּלִי׃ וְלָקַח אֵזוֹב וְטָבַל בַּמַּיִם אִישׁ טָהוֹר וְהִזָּה עַל־הָאֹהֶל שני
וְעַל־כָּל־הַכֵּלִים וְעַל־הַנְּפָשׁוֹת אֲשֶׁר הָיוּ־שָׁם וְעַל־הַנֹּגֵעַ
בַּעֶצֶם אוֹ בֶחָלָל אוֹ בַמֵּת אוֹ בַקָּבֶר׃ וְהִזָּה הַטָּהֹר עַל־ יט
הַטָּמֵא בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וְחִטְּאוֹ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי
וְכִבֶּס בְּגָדָיו וְרָחַץ בַּמַּיִם וְטָהֵר בָּעָרֶב׃ וְאִישׁ אֲשֶׁר־יִטְמָא כ
וְלֹא יִתְחַטָּא וְנִכְרְתָה הַנֶּפֶשׁ הַהִוא מִתּוֹךְ הַקָּהָל כִּי אֶת־
מִקְדַּשׁ יְהוָה טִמֵּא מֵי נִדָּה לֹא־זֹרַק עָלָיו טָמֵא הוּא׃ וְהָיְתָה כא
לָהֶם לְחֻקַּת עוֹלָם וּמַזֵּה מֵי־הַנִּדָּה יְכַבֵּס בְּגָדָיו וְהַנֹּגֵעַ בְּמֵי
הַנִּדָּה יִטְמָא עַד־הָעָרֶב׃ וְכֹל אֲשֶׁר־יִגַּע־בּוֹ הַטָּמֵא יִטְמָא כב
וְהַנֶּפֶשׁ הַנֹּגַעַת תִּטְמָא עַד־הָעָרֶב׃ פ

כ

וַיָּבֹאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל כָּל־הָעֵדָה מִדְבַּר־צִן בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן א
וַיֵּשֶׁב הָעָם בְּקָדֵשׁ וַתָּמָת שָׁם מִרְיָם וַתִּקָּבֵר שָׁם׃ וְלֹא־ ב
הָיָה מַיִם לָעֵדָה וַיִּקָּהֲלוּ עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן׃ וַיָּרֶב ג
הָעָם עִם־מֹשֶׁה וַיֹּאמְרוּ לֵאמֹר וְלוּ גָוַעְנוּ בִּגְוַע אַחֵינוּ לִפְנֵי
יְהוָה׃ וְלָמָה הֲבֵאתֶם אֶת־קְהַל יְהוָה אֶל־הַמִּדְבָּר הַזֶּה ד
לָמוּת שָׁם אֲנַחְנוּ וּבְעִירֵנוּ׃ וְלָמָה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם ה
לְהָבִיא אֹתָנוּ אֶל־הַמָּקוֹם הָרָע הַזֶּה לֹא מְקוֹם זֶרַע וּתְאֵנָה
וְגֶפֶן וְרִמּוֹן וּמַיִם אַיִן לִשְׁתּוֹת׃ וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן מִפְּנֵי ו
הַקָּהָל אֶל־פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד וַיִּפְּלוּ עַל־פְּנֵיהֶם וַיֵּרָא כְבוֹד־
יְהוָה אֲלֵיהֶם׃ פ

כ, א׳ ב׳ טעמים

14 דאָס איז דער דין: אַז אַ מענטש וועט שטאַרבן אין אַ געצעלט, זאָל איטלעכער וואָס קומט אין געצעלט, און אַלץ וואָס אין געצעלט, זיין אומריין זיבן טעג. 15 און יעטוועדער אָפענע כּלי, וואָס אויף איר איז ניטאָ אַן אַרומגעשנירט דעקל, איז אומריין. 16 און איטלעכער וואָס וועט זיך אָנרירן אויפן פרייען פעלד אָן אַ דער־שלאָגענעם פון אַ שווערד, אָדער אָן אַ געשטאָרבענעם, אָדער אָן אַ ביין פון אַ מענטשן, אָדער אָן אַ קבר, זאָל זיין אומריין זיבן טעג. 17 און מע זאָל נעמען פאַר דעם אומריינעם פון דער אַש פון דעם פאַרברענטן רייניק־אָפּפער, און אַרויפגיסן דערויף לעבעדיקע וואַסער אין אַ כלי. 18 און אַ ריינער מאַן זאָל נעמען אַזוב־גראָז, און איינטונקען אין דעם וואַסער, און שפריצן אויפן געצעלט, און אויף אַלע כלים, און אויף די נפשות וואָס זיינען דאָרטן געווען, און אויף דעם וואָס האָט זיך אָנגערירט אָן דעם ביין, אָדער אָן דעם דערשלאָגענעם, אָדער אָן דעם געשטאָרבענעם, אָדער אָן דעם קבר. 19 און דער וואָס איז ריין זאָל שפריצן אויף דעם אומריינעם אויפן דריטן טאָג און אויפן זיבעטן טאָג; און ער זאָל אים רייניקן אויפן זיבעטן טאָג; און ער זאָל וואַשן זיינע קליידער, און זיך באָדן אין וואַסער, און ווערן ריין אין אָוונט. 20 און אַז אַ מענטש וועט זיין אומריין, און וועט זיך ניט רייניקן, זאָל יענע זעל פאַרשניטן ווערן פון צווישן דער עדה, וואָרום דאָס הייליקטום פון גאָט האָט ער פאַראומריי־ניקט; שפרענגוואַסער איז אויף אים ניט געשפרענגט געוואָרן, איז ער אומריין. 21 און עס זאָל זיי זיין פאַר אַן אייביקן געזעץ. און דער וואָס שפריצט דאָס שפרענגוואַסער, זאָל וואַשן זיינע קליידער; און דער וואָס רירט זיך אָן אָן דעם שפרענגוואַסער, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט. 22 און אַלץ וואָס דער אומריינער וועט זיך אָנרירן אָן דעם, זאָל זיין אומריין; און דער מענטש וואָס רירט זיך אָן אים אָן, זאָל זיין אומריין ביזן אָוונט.

כ 1 און די קינדער פון ישראל, די גאַנצע עדה, זיינען געקומען אין מדבר צן, אין ערשטן חודש; און דאָס פאָלק איז געזעסן אין קדש; און מרים איז דאָרטן געשטאָרבן, און איז דאָרטן באַגראָבן געוואָרן.

2 און די עדה האָט ניט געהאַט קיין וואַסער, און זיי האָבן זיך איינגעזאַמלט אַקעגן משהן און אַקעגן אַהרנען. 3 און דאָס פאָלק האָט זיך געקריגט מיט משהן, און זיי האָבן געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: הלוואַי וואָלטן מיר אומגעקומען, ווען אונדזערע ברידער זיינען אומגעקומען פאַר גאָט! 4 און נאָך וואָס האָט איר געבראַכט די עדה פון גאָט אין דעמדאָזיקן מדבר, אַז מיר און אונדזער פי זאָלן דאָ אויסשטאַרבן? 5 און נאָך וואָס האָט איר אונדז אויפגעבראַכט פון מצרים, אונדז צו ברענגען אין דעמדאָזיקן שלעכטן אָרט, וואָס איז ניט אַן אָרט פון זאָמען, אָדער פייגן, אָדער ווינשטאָקן, אָדער מילג־גרוימען, און ווו וואַסער צום טרינקען איז ניטאָ?

6 זיינען משה און אַהרן אַוועקגעגאַנגען פון פאַר דער עדה צום איינגאַנג פון אוהל־מועד, און זיי זיינען גע־פאַלן אויף זייער פנים; און די פראַכט פון גאָט האָט זיך באַוויזן צו זיי. 7 און גאָט האָט גערעדט צו משהן,

שלי׳ (שני) ח וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ קַח אֶת־הַמַּטֶּה וְהַקְהֵל
אֶת־הָעֵדָה אַתָּה וְאַהֲרֹן אָחִיךָ וְדִבַּרְתֶּם אֶל־הַסֶּלַע
לְעֵינֵיהֶם וְנָתַן מֵימָיו וְהוֹצֵאתָ לָהֶם מַיִם מִן־הַסֶּלַע וְהִשְׁקִיתָ
ט אֶת־הָעֵדָה וְאֶת־בְּעִירָם׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה אֶת־הַמַּטֶּה מִלִּפְנֵי
י יְהוָה כַּאֲשֶׁר צִוָּהוּ׃ וַיַּקְהִלוּ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶת־הַקָּהָל
אֶל־פְּנֵי הַסָּלַע וַיֹּאמֶר לָהֶם שִׁמְעוּ־נָא הַמֹּרִים הֲמִן־הַסֶּלַע
יא הַזֶּה נוֹצִיא לָכֶם מָיִם׃ וַיָּרֶם מֹשֶׁה אֶת־יָדוֹ וַיַּךְ אֶת־הַסֶּלַע
בְּמַטֵּהוּ פַּעֲמָיִם וַיֵּצְאוּ מַיִם רַבִּים וַתֵּשְׁתְּ הָעֵדָה וּבְעִירָם׃ ס
יב וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן יַעַן לֹא־הֶאֱמַנְתֶּם בִּי
לְהַקְדִּישֵׁנִי לְעֵינֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לָכֵן לֹא תָבִיאוּ אֶת־הַקָּהָל
יג הַזֶּה אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נָתַתִּי לָהֶם׃ הֵמָּה מֵי מְרִיבָה אֲשֶׁר־
יד רָבוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־יְהוָה וַיִּקָּדֵשׁ בָּם׃ ס וַיִּשְׁלַח
מֹשֶׁה מַלְאָכִים מִקָּדֵשׁ אֶל־מֶלֶךְ אֱדוֹם כֹּה אָמַר אָחִיךָ
יִשְׂרָאֵל אַתָּה יָדַעְתָּ אֵת כָּל־הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ׃
טו וַיֵּרְדוּ אֲבֹתֵינוּ מִצְרַיְמָה וַנֵּשֶׁב בְּמִצְרַיִם יָמִים רַבִּים
טז וַיָּרֵעוּ לָנוּ מִצְרַיִם וְלַאֲבֹתֵינוּ׃ וַנִּצְעַק אֶל־יְהוָה וַיִּשְׁמַע קֹלֵנוּ
וַיִּשְׁלַח מַלְאָךְ וַיֹּצִאֵנוּ מִמִּצְרָיִם וְהִנֵּה אֲנַחְנוּ בְקָדֵשׁ עִיר קְצֵה
יז גְבוּלֶךָ׃ נַעְבְּרָה־נָּא בְאַרְצֶךָ לֹא נַעֲבֹר בְּשָׂדֶה וּבְכֶרֶם וְלֹא
נִשְׁתֶּה מֵי בְאֵר דֶּרֶךְ הַמֶּלֶךְ נֵלֵךְ לֹא נִטֶּה יָמִין וּשְׂמֹאול
יח עַד אֲשֶׁר־נַעֲבֹר גְּבֻלֶךָ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֱדוֹם לֹא תַעֲבֹר
יט בִּי פֶּן־בַּחֶרֶב אֵצֵא לִקְרָאתֶךָ׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
בַּמְסִלָּה נַעֲלֶה וְאִם־מֵימֶיךָ נִשְׁתֶּה אֲנִי וּמִקְנַי וְנָתַתִּי מִכְרָם
כ רַק אֵין־דָּבָר בְּרַגְלַי אֶעֱבֹרָה׃ וַיֹּאמֶר לֹא תַעֲבֹר וַיֵּצֵא
כא אֱדוֹם לִקְרָאתוֹ בְּעַם כָּבֵד וּבְיָד חֲזָקָה׃ וַיְמָאֵן ׀ אֱדוֹם נְתֹן
אֶת־יִשְׂרָאֵל עֲבֹר בִּגְבֻלוֹ וַיֵּט יִשְׂרָאֵל מֵעָלָיו׃ פ
חמ׳ (של׳) וַיִּסְעוּ מִקָּדֵשׁ וַיָּבֹאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל כָּל־הָעֵדָה הֹר הָהָר׃
כג וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אַהֲרֹן בְּהֹר הָהָר עַל־גְּבוּל

יז׳ מלא ו

אַזוי צו זאָגן: [8] נעם דעם שטעקן, און זאַמל אײַן די עדה, דו און אַהרן דײַן ברודער, און איר זאָלט רעדן צום פעלז פאַר זײערע אויגן, אַז ער זאָל אַרויסגעבן פון זיך וואַסער; און וועסט זײ אַרויסציִען וואַסער פון פעלז, און וועסט אָנטרינקען די עדה און זײער פי. [9] האָט משה גענומען דעם שטעקן פון פאַר גאָט, אַזוי ווי ער האָט אים באַפוילן. [10] און משה און אַהרן האָבן אײַנגעזאַמלט די עדה פאַר דעם פעלז, און ער האָט צו זײ געזאָגט: הערט אַקאָרשט, איר ווידערשפּעניקער, זאָלן מיר פון דעמדאָזיקן פעלז אײַך אַרויסציִען וואַסער? [11] און משה האָט אויפגעהויבן זײַן האַנט, און האָט געשלאָגן דעם פעלז מיט זײַן שטעקן צוויי מאָל, און עס איז אַרויס אַ סך וואַסער, און די עדה און זײער פי האָבן געטרונקען. [12] האָט גאָט געזאָגט צו משהן און צו אַהרנען: ווײַל איר האָט ניט געגלויבט אין מיר, מיך צו הייליקן פאַר די אויגן פון די קינדער פון ישׂראל, דרום וועט איר ניט ברענגען דידאָזיקע עדה אין דעם לאַנד וואָס איך האָב זײ געגעבן. [13] דאָס איז דאָס וואַסער פון מריבָה[א] ווו די קינדער פון ישׂראל האָבן געקריגט אַקעגן גאָט, און ער איז געהייליקט געוואָרן צווישן זײ.

[14] און משה האָט געשיקט שלוחים פון קָדֵש צו דעם מלך פון אֱדום: אַזוי זאָגט דײַן ברודער ישׂראל: דו ווייסט אַלדי מאַטערניש וואָס אונדז האָט געטראָפן; [15] ווי אונדזערע עלטערן האָבן גענידערט קיין מִצרַיִם, און מיר זײַנען געזעסן אין מִצרַיִם פיל טעג, און די מִצרים האָבן שלעכטס געטאָן אונדז און אונדזערע עלטערן; [16] און מיר האָבן געשריִען צו גאָט, און ער האָט געהערט אונדזער קָול, און האָט געשיקט אַ מלאך, און אונדז אַרויסגעצויגן פון מִצרַיִם; און אָט זײַנען מיר אין קָדֵש, אַ שטאָט בײַם עק פון דײַן געמאַרק. [17] לאָז אונדז, איך בעט דיך, דורכגיין דורך דײַן לאַנד; מיר וועלן ניט דורכגיין דורך אַ פעלד אָדער דורך אַ ווײַנגאָרטן, און מיר וועלן ניט טרינקען וואַסער פון אַ ברונעם; אויף דעם מלכס וועג וועלן מיר גיין; מיר וועלן זיך ניט אָפּנייגן רעכטס אָדער לינקס, ביז וואַנען מיר וועלן דורכגיין דײַן געמאַרק. [18] האָט אֱדום צו אים געזאָגט: זאָלסט ניט דורכגיין דורך מיר, וואָרום מיטן שווערד וועל איך אַרויסגיין אַקעגן דיר. [19] האָבן די קינדער פון ישׂראל צו אים געזאָגט: אויפן וועג וועלן מיר גיין, און אַז מיר וועלן טרינקען דײַן וואַסער, איך און מײַנע פי, וועל איך געבן געצאָלט דערפאַר; עס איז דאָך גאָרנישט; לאָמיך בלויז דורכגיין אויף מײַנע פיס. [20] האָט ער געזאָגט: דו קענסט ניט דורכגיין. און אֱדום איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן אים מיט פיל פאָלק, און מיט אַ שטאַרקער האַנט. [21] און אֱדום האָט ניט געוואָלט לאָזן ישׂראל דורכגיין דורך זײַן געמאַרק, און ישׂראל האָט זיך אָפּגענייגט פון אים.

[22] און זײ האָבן אַוועקגעצויגן פון קָדֵש; און די קינדער פון ישׂראל, די גאַנצע עדה, זײַנען אָנגעקומען צום באַרג הור. [23] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן און צו אַהרנען אויפן באַרג הור, בײַם געמאַרק פון לאַנד אֱדום, אַזוי

[א] קריג.

אֶרֶץ־אֱדוֹם לֵאמֹר׃ יֵאָסֵף אַהֲרֹן אֶל־עַמָּיו כִּי לֹא יָבֹא אֶל־ כד
הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל עַל אֲשֶׁר־מְרִיתֶם אֶת־פִּי
לְמֵי מְרִיבָה׃ קַח אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־אֶלְעָזָר בְּנוֹ וְהַעַל אֹתָם כה
הֹר הָהָר׃ וְהַפְשֵׁט אֶת־אַהֲרֹן אֶת־בְּגָדָיו וְהִלְבַּשְׁתָּם אֶת־ כו
אֶלְעָזָר בְּנוֹ וְאַהֲרֹן יֵאָסֵף וּמֵת שָׁם׃ וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה כַּאֲשֶׁר כז
צִוָּה יְהוָה וַיַּעֲלוּ אֶל־הֹר הָהָר לְעֵינֵי כָּל־הָעֵדָה׃ וַיַּפְשֵׁט כח
מֹשֶׁה אֶת־אַהֲרֹן אֶת־בְּגָדָיו וַיַּלְבֵּשׁ אֹתָם אֶת־אֶלְעָזָר בְּנוֹ
וַיָּמָת אַהֲרֹן שָׁם בְּרֹאשׁ הָהָר וַיֵּרֶד מֹשֶׁה וְאֶלְעָזָר מִן־הָהָר׃
וַיִּרְאוּ כָּל־הָעֵדָה כִּי גָוַע אַהֲרֹן וַיִּבְכּוּ אֶת־אַהֲרֹן שְׁלֹשִׁים כט
יוֹם כֹּל בֵּית יִשְׂרָאֵל׃ ס

## כא

וַיִּשְׁמַע הַכְּנַעֲנִי מֶלֶךְ־עֲרָד יֹשֵׁב הַנֶּגֶב כִּי בָּא יִשְׂרָאֵל א
דֶּרֶךְ הָאֲתָרִים וַיִּלָּחֶם בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁבְּ ׀ מִמֶּנּוּ שֶׁבִי׃ וַיִּדַּר ב
יִשְׂרָאֵל נֶדֶר לַיהוָה וַיֹּאמַר אִם־נָתֹן תִּתֵּן אֶת־הָעָם הַזֶּה
בְּיָדִי וְהַחֲרַמְתִּי אֶת־עָרֵיהֶם׃ וַיִּשְׁמַע יְהוָה בְּקוֹל יִשְׂרָאֵל ג
וַיִּתֵּן אֶת־הַכְּנַעֲנִי וַיַּחֲרֵם אֶתְהֶם וְאֶת־עָרֵיהֶם וַיִּקְרָא שֵׁם־
הַמָּקוֹם חָרְמָה׃ פ
וַיִּסְעוּ מֵהֹר הָהָר דֶּרֶךְ יַם־סוּף לִסְבֹב אֶת־אֶרֶץ אֱדוֹם ד
וַתִּקְצַר נֶפֶשׁ־הָעָם בַּדָּרֶךְ׃ וַיְדַבֵּר הָעָם בֵּאלֹהִים וּבְמֹשֶׁה ה
לָמָה הֶעֱלִיתֻנוּ מִמִּצְרַיִם לָמוּת בַּמִּדְבָּר כִּי אֵין לֶחֶם
וְאֵין מַיִם וְנַפְשֵׁנוּ קָצָה בַּלֶּחֶם הַקְּלֹקֵל׃ וַיְשַׁלַּח יְהוָה ו
בָּעָם אֵת הַנְּחָשִׁים הַשְּׂרָפִים וַיְנַשְּׁכוּ אֶת־הָעָם וַיָּמָת עַם־
רָב מִיִּשְׂרָאֵל׃ וַיָּבֹא הָעָם אֶל־מֹשֶׁה וַיֹּאמְרוּ חָטָאנוּ כִּי־ ז
דִבַּרְנוּ בַיהוָה וָבָךְ הִתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה וְיָסֵר מֵעָלֵינוּ אֶת־
הַנָּחָשׁ וַיִּתְפַּלֵּל מֹשֶׁה בְּעַד הָעָם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־ ח
מֹשֶׁה עֲשֵׂה לְךָ שָׂרָף וְשִׂים אֹתוֹ עַל־נֵס וְהָיָה כָּל־הַנָּשׁוּךְ
וְרָאָה אֹתוֹ וָחָי׃ וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה נְחַשׁ נְחֹשֶׁת וַיְשִׂמֵהוּ עַל־ ט

כא, ו׳ קמץ בטרחא

צו זאָגן: [24] זאָל אהרן איינגעזאַמלט ווערן צו זיין פאָלק; וואָרום ער וועט ניט קומען אין דעם לאַנד וואָס איך האָב געגעבן צו די קינדער פון ישראל, דערפאַר וואָס איר האָט ווידערשפּעניקט מיין מויל ביים וואַסער פון מריבה. [25] נעם אהרנען און זיין זון אלעזרן, און ברענג זיי אַרויף אויפן באַרג הור; [26] און טו אויס אהרנען זיינע קליידער, און טו זיי אָן זיין זון אלעזרן; און אהרן זאָל איינגעזאַמלט ווערן און שטאַרבן דאָרטן. [27] האָט משה געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן; און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג הור, פאַר די אויגן פון דער גאַנצער עדה. [28] און משה האָט אויסגעטאָן אהרנען זיינע קליידער, און האָט זיי אָנגעטאָן זיין זון אלעזרן. און אהרן איז דאָרטן געשטאָרבן אויפן שפּיץ באַרג. און משה און אלעזר האָבן אַראָפּגענידערט פון באַרג. [29] און די גאַנצע עדה האָט געזען אַז אהרן איז פאַרגאַנגען; און דאָס גאַנצע הויז פון ישראל האָט באַוויינט אהרנען דרייסיק טעג.

## כא

[1] און דער כנעני, דער מלך פון ערד, דער באַוווינער פון דרום, האָט געהערט אַז ישראל איז אָנגעקומען אויף דעם וועג פון אתרים, און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישראל, און געפאַנגען פון זיי געפאַנגענע. [2] האָט ישראל אַ נדר געטאָן צו גאָט, און האָט געזאָגט: אויב געבן וועסטו געבן דאָסדאָזיקע פאָלק אין מיין האַנט, וועל איך מאַכן זייערע שטעט חרם. [3] און גאָט האָט צוגעהערט צו דעם קול פון ישראל, און ער האָט איבערגעגעבן דעם כנעני, און זיי האָבן געמאַכט זיי און זייערע שטעט חרם. און מע האָט גערופן דעם נאָמען פון דעם אָרט, חרמה.

[4] און זיי האָבן געצויגן פון באַרג הור אויפן וועג פון ים־סוף, כדי צו גיין אַרום דעם לאַנד אדום, און די זעל פון דעם פאָלק איז געוואָרן אומגעדולדיק פון וועג. [5] און דאָס פאָלק האָט גערעדט אַקעגן גאָט און אַקעגן משהן: נאָך וואָס האָט איר אונדז אויפגעבראַכט פון מצרים צו שטאַרבן אין דער מדבר? וואָרום קיין ברויט איז ניטאָ, און קיין וואַסער איז ניטאָ, און אונדזער זעל עקלט זיך מיט דער נישטיקער שפּייז. [6] האָט גאָט אָנגעשיקט אויפן פאָלק פייערדיקע שלאַנגען, און זיי האָבן געביסן דאָס פאָלק, און עס איז געשטאָרבן אַ סך פאָלק פון ישראל. [7] איז דאָס פאָלק געקומען צו משהן, און זיי האָבן געזאָגט: מיר האָבן געזינדיקט וואָס מיר האָבן גערעדט אַקעגן גאָט און אַקעגן דיר; זיי מתפלל צו גאָט, ער זאָל אָפּטאָן פון אונדז די שלאַנגען. האָט משה מתפלל געווען פאַרן פאָלק. [8] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: מאַך דיר אַ פייערדיקע שלאַנג, און טו זי אַרויף אויף אַ שטאַנג; און עס וועט זיין, איטלעכער וואָס ווערט געביסן, וועט זי זען, און וועט בלייבן לעבן. [9] האָט משה געמאַכט אַ קופּערנע שלאַנג, און האָט זי אַרויפגעטאָן אויף אַ שטאַנג; און עס איז

געווען, אַז אַ שלאַנג האָט עמיצן געביסן, אַזוי האָט ער אַ קוק געטאָן אויף דער קופּערנער שלאַנג, און איז געבליבן לעבן.

[10] און די קינדער פון ישׂראל האָבן אַוועקגעצויגן, און גערוט אין אובות. [11] און זיי האָבן געצויגן פון אובות, און גערוט אין עִיֵי־עֲבָרִים, אין דעם מדבר וואָס פאַר מואָב, אַקעגן זונאויפגאַנג. [12] פון דאָרטן האָבן זיי געצויגן, און גערוט אין טאָל זֶרֶד. [13] פון דאָרטן האָבן זיי געצויגן, און גערוט אויף יענער זייט אַרנון וואָס אין מדבר, וואָס גייט אַרויס פון דעם געמאַרק פון אֱמורי; וואָרום אַרנון איז דער געמאַרק פון מואָב, צווישן מואָב און צווישן דעם אֱמורי. [14] דרום ווערט געזאָגט אין דעם בוך פון די מלחמות פון גאָט:

וָהֵב אין סוּפָה,
און די טאָלן פון אַרנון,
[15] און דעם אַראָפּגאַנג פון די טאָלן,
וואָס נייגט זיך צו דער וווינונג פון עָר,
און לענט זיך אָן געמאַרק פון מואָב.

[16] און פון דאָרטן קיין בְּאֵר[א]. דאָס איז דער ברונעם, וווּ גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זאַמל איין דאָס פאָלק, און איך וועל זיי געבן וואַסער. [17] דענסמאָל האָט ישׂראל געזונגען דאָסדאָזיקע געזאַנג:

קווער אַרויף, ברונעם–זינגט צו אים–
[18] דער ברונעם וואָס געגראָבן האָבן אים האַרן,
אים אויסגעהאַקט האָבן פירשטן פון פאָלק,
מיטן צעפּטער, מיט זייערע שטעקנס.

הַנֵּס וְהָיָה אִם־נָשַׁךְ הַנָּחָשׁ אֶת־אִישׁ וְהִבִּיט אֶל־נְחַשׁ
ששי יא הַנְּחֹשֶׁת וָחָי׃ וַיִּסְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּחֲנוּ בְּאֹבֹת׃ וַיִּסְעוּ
מֵאֹבֹת וַיַּחֲנוּ בְּעִיֵּי הָעֲבָרִים בַּמִּדְבָּר אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי מוֹאָב
יב מִמִּזְרַח הַשָּׁמֶשׁ׃ מִשָּׁם נָסָעוּ וַיַּחֲנוּ בְּנַחַל זָרֶד׃ מִשָּׁם
יג נָסָעוּ וַיַּחֲנוּ מֵעֵבֶר אַרְנוֹן אֲשֶׁר בַּמִּדְבָּר הַיֹּצֵא מִגְּבֻל
הָאֱמֹרִי כִּי אַרְנוֹן גְּבוּל מוֹאָב בֵּין מוֹאָב וּבֵין הָאֱמֹרִי׃
יד עַל־כֵּן יֵאָמַר בְּסֵפֶר מִלְחֲמֹת יְהוָה אֶת־וָהֵב בְּסוּפָה וְאֶת־
טו הַנְּחָלִים אַרְנוֹן׃ וְאֶשֶׁד הַנְּחָלִים אֲשֶׁר נָטָה לְשֶׁבֶת עָר
טז וְנִשְׁעַן לִגְבוּל מוֹאָב׃ וּמִשָּׁם בְּאֵרָה הִוא הַבְּאֵר אֲשֶׁר
אָמַר יְהוָה לְמֹשֶׁה אֱסֹף אֶת־הָעָם וְאֶתְּנָה לָהֶם מָיִם׃ ס
יז אָז יָשִׁיר יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשִּׁירָה הַזֹּאת עֲלִי בְאֵר עֱנוּ־לָהּ׃
יח בְּאֵר חֲפָרוּהָ שָׂרִים כָּרוּהָ נְדִיבֵי הָעָם בִּמְחֹקֵק בְּמִשְׁעֲנֹתָם
יט וּמִמִּדְבָּר מַתָּנָה׃ וּמִמַּתָּנָה נַחֲלִיאֵל וּמִנַּחֲלִיאֵל בָּמוֹת׃
כ וּמִבָּמוֹת הַגַּיְא אֲשֶׁר בִּשְׂדֵה מוֹאָב רֹאשׁ הַפִּסְגָּה וְנִשְׁקָפָה
עַל־פְּנֵי הַיְשִׁימֹן׃ פ
שב׳ (רב׳) וַיִּשְׁלַח יִשְׂרָאֵל מַלְאָכִים אֶל־סִיחֹן מֶלֶךְ־הָאֱמֹרִי לֵאמֹר׃
כב אֶעְבְּרָה בְאַרְצֶךָ לֹא נִטֶּה בְּשָׂדֶה וּבְכֶרֶם לֹא נִשְׁתֶּה מֵי
כג בְאֵר בְּדֶרֶךְ הַמֶּלֶךְ נֵלֵךְ עַד אֲשֶׁר־נַעֲבֹר גְּבֻלֶךָ׃ וְלֹא־נָתַן
סִיחֹן אֶת־יִשְׂרָאֵל עֲבֹר בִּגְבֻלוֹ וַיֶּאֱסֹף סִיחֹן אֶת־כָּל־עַמּוֹ
וַיֵּצֵא לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל הַמִּדְבָּרָה וַיָּבֹא יָהְצָה וַיִּלָּחֶם
כד בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיַּכֵּהוּ יִשְׂרָאֵל לְפִי־חָרֶב וַיִּירַשׁ אֶת־אַרְצוֹ
כה מֵאַרְנֹן עַד־יַבֹּק עַד־בְּנֵי עַמּוֹן כִּי עַז גְּבוּל בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיִּקַּח
יִשְׂרָאֵל אֵת כָּל־הֶעָרִים הָאֵלֶּה וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּכָל־עָרֵי
כו הָאֱמֹרִי בְּחֶשְׁבּוֹן וּבְכָל־בְּנֹתֶיהָ׃ כִּי חֶשְׁבּוֹן עִיר סִיחֹן
מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי הִוא וְהוּא נִלְחַם בְּמֶלֶךְ מוֹאָב הָרִאשׁוֹן
כז וַיִּקַּח אֶת־כָּל־אַרְצוֹ מִיָּדוֹ עַד־אַרְנֹן׃ עַל־כֵּן יֹאמְרוּ הַמֹּשְׁלִים
כח בֹּאוּ חֶשְׁבּוֹן תִּבָּנֶה וְתִכּוֹנֵן עִיר סִיחוֹן׃ כִּי־אֵשׁ יָצְאָה

יג׳ קמץ בסגולתא

און פון מדבר קיין מַתָּנָה; [19] און פון מַתָּנָה קיין נַחליאֵל, און פון נַחליאֵל קיין בָּמות; [20] און פון בָּמות צו דעם טאָל וואָס אין פעלד פון מואָב, ביים שפּיץ פון פִּסגָה, וואָס קוקט אַראָפּ אויף דער וויסטע.

[21] און ישׂראל האָט געשיקט שלוחים צו סיחון דעם מלך פון אֱמורי, אַזוי צו זאָגן: [22] לאָמיך דורכגיין דורך דיין לאַנד; מיר וועלן זיך ניט אָפּנייגן אין אַ פעלד אָדער אין אַ ווייַנגאָרטן; מיר וועלן ניט טרינקען וואַסער פון אַ ברונעם; אויף דעם מלכס וועג וועלן מיר גיין, ביז וואַנען מיר וועלן דורכגיין דיין געמאַרק. [23] אָבער סיחון האָט ניט געלאָזט ישׂראל דורכגיין דורך זיין געמאַרק, און סיחון האָט אַיינגעזאַמלט זיין גאַנץ פאָלק, און איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן ישׂראל צום מדבר, און ער איז געקומען קיין יַהַץ, און האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישׂראל. [24] און ישׂראל האָט אים געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, און אַיינגענומען זיין לאַנד פון אַרנון ביז יַבּוק, ביז די קינדער פון עַמון; וואָרום דער געמאַרק פון די קינדער פון עַמון איז געווען שטאַרק. [25] און ישׂראל האָט צוגענומען אַלע דידאָזיקע שטעט, און ישׂראל האָט זיך באַזעצט אין אַלע שטעט פון אֱמורי, אין חֶשבּון, און אין אַלע אירע טעכטערשטעט. [26] וואָרום חֶשבּון איז געווען די שטאָט פון סיחון דעם מלך פון אֱמורי, וואָס האָט מלחמה געהאַלטן מיט דעם פריערדיקן מלך פון מואָב, און האָט אַוועקגענומען זיין גאַנץ לאַנד פון זיין האַנט, ביז אַרנון. [27] דרום זאָגן די שפּרוכזאָגער:

קומט קיין חֶשבּון!
געבויט און אויפגעשטעלט
זאָל ווערן די שטאָט פון סיחון!
[28] וואָרום אַ פייער איז אַרויס פון חֶשבּון,

[א] ברונעם.

מֵחֶשְׁבּוֹן לֶהָבָה מִקִּרְיַת סִיחֹן אָכְלָה עָר מוֹאָב בַּעֲלֵי
בָּמוֹת אַרְנֹן׃ אוֹי־לְךָ מוֹאָב אָבַדְתָּ עַם־כְּמוֹשׁ נָתַן בָּנָיו כט
פְּלֵיטִם וּבְנֹתָיו בַּשְּׁבִית לְמֶלֶךְ אֱמֹרִי סִיחוֹן׃ וַנִּירָם אָבַד ל
חֶשְׁבּוֹן עַד־דִּיבֹן וַנַּשִּׁים עַד־נֹפַח אֲשֶׁר עַד־מֵידְבָא׃ וַיֵּשֶׁב לא
יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ הָאֱמֹרִי׃ וַיִּשְׁלַח מֹשֶׁה לְרַגֵּל אֶת־יַעְזֵר לב
וַיִּלְכְּדוּ בְּנֹתֶיהָ וַיּוֹרֶשׁ אֶת־הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר־שָׁם׃ וַיִּפְנוּ וַיַּעֲלוּ לג
דֶּרֶךְ הַבָּשָׁן וַיֵּצֵא עוֹג מֶלֶךְ־הַבָּשָׁן לִקְרָאתָם הוּא וְכָל־
עַמּוֹ לַמִּלְחָמָה אֶדְרֶעִי׃ וַיֹּאמֶר יְהֹוָה אֶל־מֹשֶׁה אַל־תִּירָא מפ׳
אֹתוֹ כִּי בְיָדְךָ נָתַתִּי אֹתוֹ וְאֶת־כָּל־עַמּוֹ וְאֶת־אַרְצוֹ וְעָשִׂיתָ
לּוֹ כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתָ לְסִיחֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר יוֹשֵׁב בְּחֶשְׁבּוֹן׃
וַיַּכּוּ אֹתוֹ וְאֶת־בָּנָיו וְאֶת־כָּל־עַמּוֹ עַד־בִּלְתִּי הִשְׁאִיר־לוֹ לה
שָׂרִיד וַיִּירְשׁוּ אֶת־אַרְצוֹ׃

כב

וַיִּסְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּחֲנוּ בְּעַרְבוֹת מוֹאָב מֵעֵבֶר לְיַרְדֵּן א
יְרֵחוֹ׃ ס

אַ פלאַם פון דער שטאָט פון סיחון;
זי האָט פאַרצערט עָר פון מואָב,
די האַרן פון די הייכן פון אַרנון.

[29] ווי צו דיר, מואָב!
פאַרלאָרן ביסטו, פאָלק פון כמוש!
ער האָט געלאָזט ווערן זיינע זין אַנטרונענע,
און זיינע טעכטער אין געפאַנגענשאַפט
צו סיחון דעם מלך פון אֶמורי.

[30] און מיר האָבן זיי צעשאָסן;
פאַרלאָרן איז חֶשבון ביז דיבון;
און מיר האָבן פאַרוויסט
ביז נוֹפַח וואָס ביז מֵידבאָ.

[31] און ישׂראל האָט זיך באַזעצט אין לאַנד פון דעם אֶמורי. [32] און משה האָט געשיקט אויסקוקן יַעְזֵר, און זיי האָבן באַצוווּנגען אירע טעכטערשטעט, און פאַרטריבן דעם אֶמורי וואָס איז דאָרטן געווען. [33] און זיי האָבן זיך פאַרקערט, און זיינען אַרויפגעגאַנגען אויפן וועג פון בָּשָׁן; איז אַרויסגעגאַנגען עוג דער מלך פון בָּשָׁן אַקעגן זיי, ער מיט זיין גאַנצן פאָלק, אויף מלחמה קיין אֶדרֶעי. [34] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר אים, וואָרום אין דיין האַנט האָב איך געגעבן אים מיט זיין גאַנצן פאָלק און זיין לאַנד, און וועסט טאָן צו אים, אַזוי ווי דו האָסט געטאָן צו סיחון דעם מלך פון אֶמורי, וואָס איז געזעסן אין חֶשבון. [35] און זיי האָבן געשלאָגן אים מיט זיינע זין און זיין גאַנצן פאָלק, ביז אים ניט צו לאָזן אַן איבערבלייב; און זיי האָבן געאַרבט זיין לאַנד.

כב [1] און די קינדער פון ישׂראל האָבן אַוועקגעצויגן, און האָבן גערוט אין די פּלוינען פון מואָב, אויף יענער זייט יַרדן ביי יריחו.

## בָּלָק

וַיַּרְא בָּלָק בֶּן־צִפּוֹר אֵת כָּל־אֲשֶׁר־עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לָאֱמֹרִי׃ ב
וַיָּגָר מוֹאָב מִפְּנֵי הָעָם מְאֹד כִּי רַב־הוּא וַיָּקָץ מוֹאָב מִפְּנֵי ג
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר מוֹאָב אֶל־זִקְנֵי מִדְיָן עַתָּה יְלַחֲכוּ ד
הַקָּהָל אֶת־כָּל־סְבִיבֹתֵינוּ כִּלְחֹךְ הַשּׁוֹר אֵת יֶרֶק הַשָּׂדֶה
וּבָלָק בֶּן־צִפּוֹר מֶלֶךְ לְמוֹאָב בָּעֵת הַהִוא׃ וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים ה
אֶל־בִּלְעָם בֶּן־בְּעוֹר פְּתוֹרָה אֲשֶׁר עַל־הַנָּהָר אֶרֶץ בְּנֵי־
עַמּוֹ לִקְרֹא־לוֹ לֵאמֹר הִנֵּה עַם יָצָא מִמִּצְרַיִם הִנֵּה כִסָּה
אֶת־עֵין הָאָרֶץ וְהוּא יֹשֵׁב מִמֻּלִי׃ וְעַתָּה לְכָה־נָּא אָרָה־ ו
לִּי אֶת־הָעָם הַזֶּה כִּי־עָצוּם הוּא מִמֶּנִּי אוּלַי אוּכַל נַכֶּה־
בּוֹ וַאֲגָרְשֶׁנּוּ מִן־הָאָרֶץ כִּי יָדַעְתִּי אֵת אֲשֶׁר־תְּבָרֵךְ מְבֹרָךְ
וַאֲשֶׁר תָּאֹר יוּאָר׃ וַיֵּלְכוּ זִקְנֵי מוֹאָב וְזִקְנֵי מִדְיָן וּקְסָמִים בְּיָדָם ז

כא, ל׳ נקד על ר׳ לב׳ ויורש ק׳

[2] און בָּלָק דער זון פון צִפּורן האָט געזען אַלץ וואָס ישׂראל האָט געטאָן צום אֶמורי. [3] און מואָב האָט זיך זייער דערשראָקן פאַר דעם פאָלק, ווייל זיי זיינען געווען פיל, און מואָב איז געווען אין אַנגסט פאַר די קינדער פון ישׂראל. [4] האָט מואָב געזאָגט צו די עלטסטע פון מִדיָן: אַצונד וועט דאָס געזעמל אָפּעסן אַלץ וואָס אַרום אונדז, אַזוי ווי אַן אָקס עסט אָפּ דאָס גראָז פון פעלד. און בָּלָק דער זון פון צִפּורן איז געווען דער מלך פון מואָב אין יענער צייט. [5] האָט ער געשיקט שלוחים צו בִּלעָם דער זון פון בְּעורן, קיין פּתור וואָס ביים טייך, אין דעם לאַנד פון די קינדער פון זיין פאָלק, אים צו רופן, אַזוי צו זאָגן: אָט איז אַ פאָלק אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם; זע, ער האָט פאַרדעקט דעם אָנבליק פון דער ערד, און ער זיצט מיר אַנטקעגן. [6] און אַצונד קום, איך בעט דיך, שילט מיר דאָסדאָזיקע פאָלק, וואָרום ער איז שטאַרקער פון מיר. אפשר וועל איך אויספירן מיר זאָלן אים שלאָגן, און איך וועל אים פאַרטרייבן פון לאַנד; וואָרום איך ווייס, אַז וועמען דו בענטשסט, דער איז געבענטשט, און וועמען דו שילטסט, דער איז פאַרשאָלטן.

[7] זיינען די עלטסטע פון מואָב און די עלטסטע פון מִדיָן געגאַנגען מיט צויבערלוין אין זייער האַנט, און זיי זיינען

ח וַיָּבֹאוּ אֶל־בִּלְעָם וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו דִּבְרֵי בָלָק׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם
לִינוּ פֹה הַלַּיְלָה וַהֲשִׁבֹתִי אֶתְכֶם דָּבָר כַּאֲשֶׁר יְדַבֵּר יְהוָה
ט אֵלָי וַיֵּשְׁבוּ שָׂרֵי־מוֹאָב עִם־בִּלְעָם׃ וַיָּבֹא אֱלֹהִים אֶל־
י בִּלְעָם וַיֹּאמֶר מִי הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה עִמָּךְ׃ וַיֹּאמֶר בִּלְעָם
יא אֶל־הָאֱלֹהִים בָּלָק בֶּן־צִפֹּר מֶלֶךְ מוֹאָב שָׁלַח אֵלָי׃ הִנֵּה
הָעָם הַיֹּצֵא מִמִּצְרַיִם וַיְכַס אֶת־עֵין הָאָרֶץ עַתָּה לְכָה קָבָה־
יב לִּי אֹתוֹ אוּלַי אוּכַל לְהִלָּחֶם בּוֹ וְגֵרַשְׁתִּיו׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים
אֶל־בִּלְעָם לֹא תֵלֵךְ עִמָּהֶם לֹא תָאֹר אֶת־הָעָם כִּי בָרוּךְ
שני (חמ׳) הוּא׃ וַיָּקָם בִּלְעָם בַּבֹּקֶר וַיֹּאמֶר אֶל־שָׂרֵי בָלָק לְכוּ אֶל־
יד אַרְצְכֶם כִּי מֵאֵן יְהוָה לְתִתִּי לַהֲלֹךְ עִמָּכֶם׃ וַיָּקוּמוּ שָׂרֵי
מוֹאָב וַיָּבֹאוּ אֶל־בָּלָק וַיֹּאמְרוּ מֵאֵן בִּלְעָם הֲלֹךְ עִמָּנוּ׃
טו וַיֹּסֶף עוֹד בָּלָק שְׁלֹחַ שָׂרִים רַבִּים וְנִכְבָּדִים מֵאֵלֶּה׃
טז וַיָּבֹאוּ אֶל־בִּלְעָם וַיֹּאמְרוּ לוֹ כֹּה אָמַר בָּלָק בֶּן־צִפּוֹר אַל־
יז נָא תִמָּנַע מֵהֲלֹךְ אֵלָי׃ כִּי־כַבֵּד אֲכַבֶּדְךָ מְאֹד וְכֹל אֲשֶׁר־
יח תֹּאמַר אֵלַי אֶעֱשֶׂה וּלְכָה־נָּא קָבָה־לִּי אֵת הָעָם הַזֶּה׃ וַיַּעַן
בִּלְעָם וַיֹּאמֶר אֶל־עַבְדֵי בָלָק אִם־יִתֶּן־לִי בָלָק מְלֹא בֵיתוֹ
כֶּסֶף וְזָהָב לֹא אוּכַל לַעֲבֹר אֶת־פִּי יְהוָה אֱלֹהָי לַעֲשׂוֹת
יט קְטַנָּה אוֹ גְדוֹלָה׃ וְעַתָּה שְׁבוּ נָא בָזֶה גַּם־אַתֶּם הַלָּיְלָה
כ וְאֵדְעָה מַה־יֹּסֵף יְהוָה דַּבֵּר עִמִּי׃ וַיָּבֹא אֱלֹהִים ׀ אֶל־
בִּלְעָם לַיְלָה וַיֹּאמֶר לוֹ אִם־לִקְרֹא לְךָ בָּאוּ הָאֲנָשִׁים קוּם
לֵךְ אִתָּם וְאַךְ אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר־אֲדַבֵּר אֵלֶיךָ אֹתוֹ תַעֲשֶׂה׃
שלי׳ וַיָּקָם בִּלְעָם בַּבֹּקֶר וַיַּחֲבֹשׁ אֶת־אֲתֹנוֹ וַיֵּלֶךְ עִם־שָׂרֵי מוֹאָב׃
כב וַיִּחַר־אַף אֱלֹהִים כִּי־הוֹלֵךְ הוּא וַיִּתְיַצֵּב מַלְאַךְ יְהוָה בַּדֶּרֶךְ
כג לְשָׂטָן לוֹ וְהוּא רֹכֵב עַל־אֲתֹנוֹ וּשְׁנֵי נְעָרָיו עִמּוֹ׃ וַתֵּרֶא
הָאָתוֹן אֶת־מַלְאַךְ יְהוָה נִצָּב בַּדֶּרֶךְ וְחַרְבּוֹ שְׁלוּפָה בְּיָדוֹ
וַתֵּט הָאָתוֹן מִן־הַדֶּרֶךְ וַתֵּלֶךְ בַּשָּׂדֶה וַיַּךְ בִּלְעָם אֶת־הָאָתוֹן
כד לְהַטֹּתָהּ הַדָּרֶךְ׃ וַיַּעֲמֹד מַלְאַךְ יְהוָה בְּמִשְׁעוֹל הַכְּרָמִים

יח׳ קמץ בז״ק

געקומען צו בִלעָמען, און האָבן גערעדט צו אים די ווערטער פון בָלָקן. [8] האָט ער צו זיי געזאָגט: נעכטיקט דאָ די נאַכט, און איך וועל אײַך געבן אַן ענטפער, אַזוי ווי גאָט וועט רעדן צו מיר. און די האַרן פון מוֹאָב זײַנען געבליבן בײַ בִלעָמען. [9] איז גאָט געקומען צו בִלעָמען, און האָט געזאָגט: ווער זײַנען די דאָזיקע מענטשן בײַ דיר? [10] האָט בִלעָם געזאָגט צו גאָט: בָלָק דער זון פון צִפּורן, דער מלך פון מוֹאָב, האָט געשיקט צו מיר: [11] אָט איז דאָס פאָלק וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם, און ער האָט פאַרדעקט דעם אָנבליק פון דער ערד. אַצונד, קום שילט מיר אים; אפשר וועל איך קענען מלחמה האַלטן אויף אים, און וועל אים פאַרטרײַבן. [12] האָט גאָט געזאָגט צו בִלעָמען: זאָלסט ניט גיין מיט זיי; זאָלסט ניט שילטן דאָס פאָלק, וואָרום ער איז געבענטשט. [13] איז בִלעָם אויפגעשטאַנען אין דער פרי, און האָט געזאָגט צו די האַרן פון בָלָקן: גייט אין אײַער לאַנד, וואָרום גאָט וויל ניט מיך לאָזן גיין מיט אײַך. [14] זײַנען אויפגעשטאַנען די האַרן פון מוֹאָב, און זײַנען אַוועקגעגאַנגען צו בָלָקן, און האָבן געזאָגט: בִלעָם האָט ניט געוואָלט גיין מיט אונדז.

[15] האָט בָלָק ווידער אַ מאָל געשיקט האַרן, מער און אָנגעזעענערע פון יענע. [16] און זיי זײַנען געקומען צו בִלעָמען, און האָבן צו אים געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט בָלָק דער זון פון צִפּורן: זאָלסט זיך ניט פאַרמײַדן, איך בעט דיך, פון קומען צו מיר. [17] וואָרום זייער גרויס כּבוד וועל איך דיר אָנטאָן, און אַלץ וואָס דו וועסט זאָגן צו מיר, וועל איך טאָן; נאָר קום, איך בעט דיך, שילט מיר דאָסדאָזיקע פאָלק. [18] האָט געענטפערט בִלעָם און געזאָגט צו די קנעכט פון בָלָקן: ווען בָלָק זאָל מיר געבן זײַן הויז פול מיט זילבער און גאָלד, קען איך ניט איבערטרעטן דעם באַפעל פון יהוה מײַן גאָט, צו טאָן קליינס אָדער גרויס. [19] און אַצונד, איך בעט אײַך, בלײַבט איר אויך דאָ די נאַכט, און איך וועל געוואָר ווערן וואָס גאָט וועט ווידער רעדן מיט מיר. [20] און גאָט איז געקומען צו בִלעָמען בײַ נאַכט, און האָט צו אים געזאָגט: אויב דיך צו רופן זײַנען די מענטשן געקומען, שטיי אויף, גיי מיט זיי, אָבער נאָר די זאַך וואָס איך וועל רעדן צו דיר, דאָס זאָלסטו טאָן. [21] איז בִלעָם אויפגעשטאַנען אין דער פרי, און ער האָט אָנגעזאָטלט זײַן אייזעלין, און איז געגאַנגען מיט די האַרן פון מוֹאָב.

[22] און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט וואָס ער גייט, און אַ מלאך פון גאָט האָט זיך אים געשטעלט פאַר אַ שטער אין וועג.—און ער איז געריטן אויף זײַן אייזעלין, און זײַנע צוויי יונגען זײַנען געווען מיט אים.—[23] האָט די אייזעלין דערזען דעם מלאך פון גאָט שטיין אויפן וועג, מיט זײַן שווערד אַרויסגעצויגן אין זײַן האַנט, און די אייזעלין האָט זיך אָפּגענייגט פון וועג, און איז געגאַנגען אויפן פעלד; און בִלעָם האָט געשלאָגן די אייזעלין כּדי זי צו פאַרקירעווען אויפן וועג. [24] האָט דער מלאך פון גאָט זיך געשטעלט אויף אַ שטעג פון די ווײַנגערטנער, מיט אַ צאָם פון דער זײַט און אַ

כה גֶּדֶר מִזֶּה וְגָדֵר מִזֶּה׃ וַתֵּרֶא הָאָתוֹן אֶת־מַלְאַךְ יְהוָה
וַתִּלָּחֵץ אֶל־הַקִּיר וַתִּלְחַץ אֶת־רֶגֶל בִּלְעָם אֶל־הַקִּיר וַיֹּסֶף
כו לְהַכֹּתָהּ׃ וַיּוֹסֶף מַלְאַךְ־יְהוָה עֲבוֹר וַיַּעֲמֹד בְּמָקוֹם צָר
כז אֲשֶׁר אֵין־דֶּרֶךְ לִנְטוֹת יָמִין וּשְׂמֹאול׃ וַתֵּרֶא הָאָתוֹן אֶת־
מַלְאַךְ יְהוָה וַתִּרְבַּץ תַּחַת בִּלְעָם וַיִּחַר־אַף בִּלְעָם וַיַּךְ
כח אֶת־הָאָתוֹן בַּמַּקֵּל׃ וַיִּפְתַּח יְהוָה אֶת־פִּי הָאָתוֹן וַתֹּאמֶר
לְבִלְעָם מֶה־עָשִׂיתִי לְךָ כִּי הִכִּיתַנִי זֶה שָׁלֹשׁ רְגָלִים׃
כט וַיֹּאמֶר בִּלְעָם לָאָתוֹן כִּי הִתְעַלַּלְתְּ בִּי לוּ יֶשׁ־חֶרֶב בְּיָדִי
ל כִּי עַתָּה הֲרַגְתִּיךְ׃ וַתֹּאמֶר הָאָתוֹן אֶל־בִּלְעָם הֲלוֹא אָנֹכִי
אֲתֹנְךָ אֲשֶׁר־רָכַבְתָּ עָלַי מֵעוֹדְךָ עַד־הַיּוֹם הַזֶּה הַהַסְכֵּן
לא הִסְכַּנְתִּי לַעֲשׂוֹת לְךָ כֹּה וַיֹּאמֶר לֹא׃ וַיְגַל יְהוָה אֶת־עֵינֵי
בִלְעָם וַיַּרְא אֶת־מַלְאַךְ יְהוָה נִצָּב בַּדֶּרֶךְ וְחַרְבּוֹ שְׁלֻפָה
לב בְּיָדוֹ וַיִּקֹּד וַיִּשְׁתַּחוּ לְאַפָּיו׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו מַלְאַךְ יְהוָה עַל־
מָה הִכִּיתָ אֶת־אֲתֹנְךָ זֶה שָׁלוֹשׁ רְגָלִים הִנֵּה אָנֹכִי יָצָאתִי
לג לְשָׂטָן כִּי־יָרַט הַדֶּרֶךְ לְנֶגְדִּי׃ וַתִּרְאַנִי הָאָתוֹן וַתֵּט לְפָנַי
זֶה שָׁלֹשׁ רְגָלִים אוּלַי נָטְתָה מִפָּנַי כִּי עַתָּה גַּם־אֹתְכָה
לד הָרַגְתִּי וְאוֹתָהּ הֶחֱיֵיתִי׃ וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל־מַלְאַךְ יְהוָה
חָטָאתִי כִּי לֹא יָדַעְתִּי כִּי אַתָּה נִצָּב לִקְרָאתִי בַּדָּרֶךְ וְעַתָּה
לה אִם־רַע בְּעֵינֶיךָ אָשׁוּבָה לִּי׃ וַיֹּאמֶר מַלְאַךְ יְהוָה אֶל־
בִּלְעָם לֵךְ עִם־הָאֲנָשִׁים וְאֶפֶס אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר־אֲדַבֵּר
לו אֵלֶיךָ אֹתוֹ תְדַבֵּר וַיֵּלֶךְ בִּלְעָם עִם־שָׂרֵי בָלָק׃ וַיִּשְׁמַע
בָּלָק כִּי־בָא בִלְעָם וַיֵּצֵא לִקְרָאתוֹ אֶל־עִיר מוֹאָב אֲשֶׁר
לז עַל־גְּבוּל אַרְנֹן אֲשֶׁר בִּקְצֵה הַגְּבוּל׃ וַיֹּאמֶר בָּלָק אֶל־
בִּלְעָם הֲלֹא שָׁלֹחַ שָׁלַחְתִּי אֵלֶיךָ לִקְרֹא־לָךְ לָמָּה לֹא־
לח הָלַכְתָּ אֵלָי הַאֻמְנָם לֹא אוּכַל כַּבְּדֶךָ׃ וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל־
בָּלָק הִנֵּה־בָאתִי אֵלֶיךָ עַתָּה הֲיָכֹל אוּכַל דַּבֵּר מְאוּמָה
רב׳ (ששי) הַדָּבָר אֲשֶׁר יָשִׂים אֱלֹהִים בְּפִי אֹתוֹ אֲדַבֵּר׃ וַיֵּלֶךְ בִּלְעָם

כו׳ קמץ בז״ק מלא ו כח׳ קמץ בז״ק

צאַם פון דער אַנדער זייט. [25] און די אייזעלין האָט געזען דעם מלאך פון גאָט, און האָט זיך צוגעדריקט צו דער וואַנט, און צוגעדריקט בלעָמס פוס צו דער וואַנט; און ער האָט זי ווידער געשלאָגן. [26] איז דער מלאך פון גאָט ווידער אַוועק פאַרויס, און האָט זיך געשטעלט אין אַן ענגן אָרט, ווו עס איז ניט געווען קיין וועג זיך אָפּצונייגן רעכטס אָדער לינקס. [27] און די אייזעלין האָט געזען דעם מלאך פון גאָט, און האָט זיך אַנידערגעלייגט אונטער בלעָמען; און דער צאָרן פון בלעָמען האָט געגרימט, און ער האָט געשלאָגן די אייזעלין מיטן שטעקן. [28] האָט גאָט געעפנט דאָס מויל פון דער אייזעלין, און זי האָט געזאָגט צו בלעָמען: וואָס האָב איך דיר געטאָן, וואָס דו האָסט מיר שוין דריי מאָל געשלאָגן? [29] האָט בלעָם געזאָגט צו דער אייזעלין: ווייל דו האָסט געשפּעט פון מיר; ווען איך האָב אַ שווערד אין דער האַנט, וואָלט איך דיך אַצונד געהרגעט. [30] האָט די אייזעלין געזאָגט צו בלעָמען: בין איך ניט דיין אייזעלין, וואָס דו האָסט געריטן אויף מיר דיין גאַנץ לעבן ביז היינטיקן טאָג? בין איך געוווינטלעך געוווינט געווען דיר אַזוי צו טאָן? האָט ער געזאָגט: ניין. [31] און גאָט האָט אַנטפּלעקט די אויגן פון בלעָמען, און ער האָט דערזען דעם מלאך פון גאָט שטיין אין וועג, מיט זיין שווערד אַרויסגעצויגן אין זיין האַנט. האָט ער זיך גענייגט, און זיך געבוקט אויף זיין פּנים. [32] און דער מלאך פון גאָט האָט צו אים געזאָגט: פאַרוואָס האָסטו געשלאָגן דיין אייזעלין שוין דריי מאָל? זע, איך בין אַרויסגעגאַנגען פאַר אַ שטער, וואָרום דער וועג גייט מיר דערקעגן. [33] און די אייזעלין האָט מיך געזען, און האָט זיך אָפּגענייגט פאַר מיר די דריי מאָל; ווען זי וואָלט זיך ניט אָפּגענייגט פון מיר, וואָלט איך אַצונד דיך זיכער געהרגעט, און זי וואָלט איך געלאָזט לעבן. [34] האָט בלעָם געזאָגט צו דעם מלאך פון גאָט: איך האָב געזינדיקט, וואָרום איך האָב ניט געוווּסט, אַז דו שטייסט מיר אַנטקעגן אויפן וועג; און אַצונד אויב עס איז שלעכט אין דיינע אויגן, וועל איך מיך אומקערן. [35] האָט דער מלאך פון גאָט געזאָגט צו בלעָמען: גיי מיט די מענטשן, אָבער נאָר דאָס וואָרט וואָס איך וועל רעדן צו דיר, דאָס זאָלסטו רעדן. איז בלעָם געגאַנגען מיט די האַרן פון בלָקן.

[36] און בלָק האָט געהערט אַז בלעָם קומט, און ער איז אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן קיין עיר־מואָב וואָס ביים גע־מאַרק פון אַרנון, וואָס ביים עק געמאַרק. [37] און בלָק האָט געזאָגט צו בלעָמען: האָב איך ניט שיקן געשיקט צו דיר, דיך צו רופן? פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען צו מיר? בין איך אין דער אמת ניט אימשטאַנד דיר כבוד אָנצוטאָן? [38] האָט בלעָם געזאָגט צו בלָקן: זע, איך בין געקומען צו דיר; אַצונד, צי קען איך גאָר עפּעס רעדן? דאָס וואָרט וואָס גאָט וועט אַריינטאָן אין מיין מויל, דאָס וועל איך רעדן. [39] און בלעָם איז געגאַנגען מיט בלָקן, און זיי זיינען געקומען קיין

קריַת־חוצות. [40] און בָּלָק האָט געשלאַכט רינדער און שאָף, און האָט געשיקט צו בִּלעָמען, און צו די האַרן וואָס מיט אים. [41] און עס איז געווען אין דער פרי, האָט בָּלָק גענומען בִּלעָמען, און האָט אים אַרויפגעפירט קיין בָּמות־בַּעַל, און ער האָט פון דאָרטן געזען אַ טייל פון דעם פאָלק.

# כג

[1] האָט בִּלעָם געזאָגט צו בָּלָקן: בוי מיר דאָ זיבן מזבחות, און גרייט מיר דאָ צו זיבן אָקסן און זיבן ווידערס. [2] האָט בָּלָק געטאָן אַזוי ווי בִּלעָם האָט גערעדט, און בָּלָק און בִּלעָם האָבן אויפגעבראַכט אַן אָקס און אַ ווידער אויף אַ מזבח. [3] און בִּלעָם האָט געזאָגט צו בָּלָקן: שטעל זיך ביי דיין בראַנדאָפּפער, און איך וועל גיין; אפשר וועט זיך מיר גאָט טרעפן אַנטקעגן, און וואָס פאַר אַ זאַך ער וועט מיר ווייזן, וועל איך דיר דערציילן. און ער איז אַרויפגעגאַנגען אויף אַ הויכן אָרט. [4] און גאָט האָט זיך געטראָפן פאַר בִּלעָמען; און ער האָט צו אים געזאָגט: די זיבן מזבחות האָב איך צוגעגרייט, און האָב אויפגעבראַכט אַן אָקס און אַ ווידער אויף אַ מזבח. [5] האָט גאָט אַריינגעטאָן אַ וואָרט אין בִּלעָמס מויל, און האָט געזאָגט: קער זיך אום צו בָּלָקן, און אַזוי זאָלסטו רעדן. [6] האָט ער זיך אומגעקערט צו אים, ערשט ער שטייט ביי זיין בראַנדאָפּפער, ער און אַלע האַרן פון מואָב. [7] האָט ער אויפגעהויבן זיין שפּרוך, און האָט געזאָגט:

פון אַרם טוט מיך פירן בָּלָק,
פון די מזרח־בערג דער מלך פון מואָב:
קום שילט מיר יעקבן,
און קום פלוך ישׂראלן.
[8] ווי זאָל איך שילטן
וועמען גאָט שילט ניט?
און ווי זאָל איך פלוכן
וועמען יהוה פלוכט ניט?
[9] וואָרום פון שפּיץ פון די פעלזן זע איך אים,
און פון די הייכן קוק איך אים אָן.
זע, אַ פאָלק וואָס רוט באַזונדער,
און רעכנט זיך ניט צווישן די אומות.
[10] ווער האָט געציילט דעם שטויב פון יעקב,
און באַרעכנט דעם זאָמען פון ישׂראל?
זאָל שטאַרבן מיין זעל דעם טויט פון די רעכטפאַרטיקע,
און זאָל מיין סוף זיין ווי זיינער!

[11] האָט בָּלָק געזאָגט צו בִּלעָמען: וואָס האָסטו מיר געטאָן? צו שילטן מיינע שׂונאים האָב איך דיך גענומען, ערשט גאָר בענטשן האָסטו געבענטשט. [12] האָט ער געענטפערט און האָט געזאָגט: פאַרוואָר, דאָס וואָס גאָט טוט אַריין אין מיין מויל, דאָס מוז איך היטן צו רעדן. [13] האָט בָּלָק געזאָגט צו אים: קום מיט מיר, איך בעט דיך, צו אַן אַנדער אָרט, וואָס דו וועסט אים זען פון דאָרטן; בלויז אַ טייל פון אים וועסטו זען, אָבער אין גאַנצן וועסטו אים ניט זען; און שילט מיר אים פון דאָרטן. [14] און ער האָט אים גענומען צו דעם פעלד צופים אויפן שפּיץ פּסגה, און ער האָט געבויט זיבן מזבחות, און אויפגעבראַכט אַן אָקס און אַ ווידער אויף אַ מזבח. [15] און ער האָט געזאָגט צו בָּלָקן: שטעל זיך דאָ ביי דיין בראַנדאָפּפער, און איך וועל גיין זיך טרעפן דאָרטן. [16] האָט גאָט זיך געטראָפן פאַר בִּלעָמען, און ער האָט אַריינגעטאָן

מ עִם־בָּלָק וַיָּבֹאוּ קִרְיַת חֻצוֹת׃ וַיִּזְבַּח בָּלָק בָּקָר וָצֹאן וַיְשַׁלַּח
מא לְבִלְעָם וְלַשָּׂרִים אֲשֶׁר אִתּוֹ׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר וַיִּקַּח בָּלָק אֶת־
בִּלְעָם וַיַּעֲלֵהוּ בָּמוֹת בָּעַל וַיַּרְא מִשָּׁם קְצֵה הָעָם׃
כג
א וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל־בָּלָק בְּנֵה־לִי בָזֶה שִׁבְעָה מִזְבְּחֹת וְהָכֵן
ב לִי בָּזֶה שִׁבְעָה פָרִים וְשִׁבְעָה אֵילִים׃ וַיַּעַשׂ בָּלָק כַּאֲשֶׁר
ג דִּבֶּר בִּלְעָם וַיַּעַל בָּלָק וּבִלְעָם פַּר וָאַיִל בַּמִּזְבֵּחַ׃ וַיֹּאמֶר
בִּלְעָם לְבָלָק הִתְיַצֵּב עַל־עֹלָתֶךָ וְאֵלְכָה אוּלַי יִקָּרֵה
יְהוָה לִקְרָאתִי וּדְבַר מַה־יַּרְאֵנִי וְהִגַּדְתִּי לָךְ וַיֵּלֶךְ שֶׁפִי׃
ד וַיִּקָּר אֱלֹהִים אֶל־בִּלְעָם וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֶת־שִׁבְעַת הַמִּזְבְּחֹת
ה עָרַכְתִּי וָאַעַל פַּר וָאַיִל בַּמִּזְבֵּחַ׃ וַיָּשֶׂם יְהוָה דָּבָר בְּפִי
ו בִלְעָם וַיֹּאמֶר שׁוּב אֶל־בָּלָק וְכֹה תְדַבֵּר׃ וַיָּשָׁב אֵלָיו
ז וְהִנֵּה נִצָּב עַל־עֹלָתוֹ הוּא וְכָל־שָׂרֵי מוֹאָב׃ וַיִּשָּׂא מְשָׁלוֹ
וַיֹּאמַר מִן־אֲרָם יַנְחֵנִי בָלָק מֶלֶךְ־מוֹאָב מֵהַרְרֵי־קֶדֶם
ח לְכָה אָרָה־לִּי יַעֲקֹב וּלְכָה זֹעֲמָה יִשְׂרָאֵל׃ מָה אֶקֹּב לֹא
ט קַבֹּה אֵל וּמָה אֶזְעֹם לֹא זָעַם יְהוָה׃ כִּי־מֵרֹאשׁ צֻרִים
אֶרְאֶנּוּ וּמִגְּבָעוֹת אֲשׁוּרֶנּוּ הֶן־עָם לְבָדָד יִשְׁכֹּן וּבַגּוֹיִם לֹא
י יִתְחַשָּׁב׃ מִי מָנָה עֲפַר יַעֲקֹב וּמִסְפָּר אֶת־רֹבַע יִשְׂרָאֵל
יא תָּמֹת נַפְשִׁי מוֹת יְשָׁרִים וּתְהִי אַחֲרִיתִי כָּמֹהוּ׃ וַיֹּאמֶר
בָּלָק אֶל־בִּלְעָם מֶה עָשִׂיתָ לִי לָקֹב אֹיְבַי לְקַחְתִּיךָ וְהִנֵּה
יב בֵּרַכְתָּ בָרֵךְ׃ וַיַּעַן וַיֹּאמַר הֲלֹא אֵת אֲשֶׁר יָשִׂים יְהוָה
חמ' בְּפִי אֹתוֹ אֶשְׁמֹר לְדַבֵּר׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו בָּלָק לְךָ־נָּא אִתִּי
אֶל־מָקוֹם אַחֵר אֲשֶׁר תִּרְאֶנּוּ מִשָּׁם אֶפֶס קָצֵהוּ תִרְאֶה
יד וְכֻלּוֹ לֹא תִרְאֶה וְקָבְנוֹ־לִי מִשָּׁם׃ וַיִּקָּחֵהוּ שְׂדֵה צֹפִים
אֶל־רֹאשׁ הַפִּסְגָּה וַיִּבֶן שִׁבְעָה מִזְבְּחֹת וַיַּעַל פַּר וָאַיִל
טו בַּמִּזְבֵּחַ׃ וַיֹּאמֶר אֶל־בָּלָק הִתְיַצֵּב כֹּה עַל־עֹלָתֶךָ וְאָנֹכִי
טז אִקָּרֶה כֹּה׃ וַיִּקָּר יְהוָה אֶל־בִּלְעָם וַיָּשֶׂם דָּבָר בְּפִיו

כג, יג׳ חסר ה

יז וַיֹּאמֶר שׁוּב אֶל־בָּלָק וְכֹה תְדַבֵּר׃ וַיָּבֹא אֵלָיו וְהִנּוֹ נִצָּב
עַל־עֹלָתוֹ וְשָׂרֵי מוֹאָב אִתּוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ בָּלָק מַה־דִּבֶּר
יח יְהוָה׃ וַיִּשָּׂא מְשָׁלוֹ וַיֹּאמַר קוּם בָּלָק וּשְׁמָע הַאֲזִינָה
יט עָדַי בְּנוֹ צִפֹּר׃ לֹא אִישׁ אֵל וִיכַזֵּב וּבֶן־אָדָם וְיִתְנֶחָם
כ הַהוּא אָמַר וְלֹא יַעֲשֶׂה וְדִבֶּר וְלֹא יְקִימֶנָּה׃ הִנֵּה בָרֵךְ
כא לָקָחְתִּי וּבֵרֵךְ וְלֹא אֲשִׁיבֶנָּה׃ לֹא־הִבִּיט אָוֶן בְּיַעֲקֹב וְלֹא־
רָאָה עָמָל בְּיִשְׂרָאֵל יְהוָה אֱלֹהָיו עִמּוֹ וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ׃
כב כג אֵל מוֹצִיאָם מִמִּצְרָיִם כְּתוֹעֲפֹת רְאֵם לוֹ׃ כִּי לֹא־נַחַשׁ
בְּיַעֲקֹב וְלֹא־קֶסֶם בְּיִשְׂרָאֵל כָּעֵת יֵאָמֵר לְיַעֲקֹב וּלְיִשְׂרָאֵל
כד מַה־פָּעַל אֵל׃ הֶן־עָם כְּלָבִיא יָקוּם וְכַאֲרִי יִתְנַשָּׂא לֹא
כה יִשְׁכַּב עַד־יֹאכַל טֶרֶף וְדַם־חֲלָלִים יִשְׁתֶּה׃ וַיֹּאמֶר בָּלָק
כו אֶל־בִּלְעָם גַּם־קֹב לֹא תִקֳּבֶנּוּ גַּם־בָּרֵךְ לֹא תְבָרְכֶנּוּ׃ וַיַּעַן
בִּלְעָם וַיֹּאמֶר אֶל־בָּלָק הֲלֹא דִּבַּרְתִּי אֵלֶיךָ לֵאמֹר כֹּל
ששי (שב׳) אֲשֶׁר־יְדַבֵּר יְהוָה אֹתוֹ אֶעֱשֶׂה׃ וַיֹּאמֶר בָּלָק אֶל־בִּלְעָם
לְכָה־נָּא אֶקָּחֲךָ אֶל־מָקוֹם אַחֵר אוּלַי יִישַׁר בְּעֵינֵי הָאֱלֹהִים
כח וְקַבֹּתוֹ לִי מִשָּׁם׃ וַיִּקַּח בָּלָק אֶת־בִּלְעָם רֹאשׁ הַפְּעוֹר
כט הַנִּשְׁקָף עַל־פְּנֵי הַיְשִׁימֹן׃ וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל־בָּלָק בְּנֵה
לִי בָזֶה שִׁבְעָה מִזְבְּחֹת וְהָכֵן לִי בָּזֶה שִׁבְעָה פָרִים
ל וְשִׁבְעָה אֵילִים׃ וַיַּעַשׂ בָּלָק כַּאֲשֶׁר אָמַר בִּלְעָם וַיַּעַל פָּר
וָאַיִל בַּמִּזְבֵּחַ׃

## כד

א וַיַּרְא בִּלְעָם כִּי טוֹב בְּעֵינֵי יְהוָה לְבָרֵךְ אֶת־יִשְׂרָאֵל וְלֹא־
הָלַךְ כְּפַעַם־בְּפַעַם לִקְרַאת נְחָשִׁים וַיָּשֶׁת אֶל־הַמִּדְבָּר
ב פָּנָיו׃ וַיִּשָּׂא בִלְעָם אֶת־עֵינָיו וַיַּרְא אֶת־יִשְׂרָאֵל שֹׁכֵן
ג לִשְׁבָטָיו וַתְּהִי עָלָיו רוּחַ אֱלֹהִים׃ וַיִּשָּׂא מְשָׁלוֹ וַיֹּאמַר
ד נְאֻם בִּלְעָם בְּנוֹ בְעֹר וּנְאֻם הַגֶּבֶר שְׁתֻם הָעָיִן׃ נְאֻם
שֹׁמֵעַ אִמְרֵי־אֵל אֲשֶׁר מַחֲזֵה שַׁדַּי יֶחֱזֶה נֹפֵל וּגְלוּי

כג, יח׳ קמץ בז״ק   כ״ד׳ קמץ בטשטא

אַ וואָרט אין זיין מויל, און האָט געזאָגט: קער זיך אום צו בָּלָקן, און אַזוי זאָלסטו רעדן. [17] איז ער געקומען צו אים, ערשט ער שטייט בײַ זיין בראַנדאָפּפער, און די האַרן פון מואָב מיט אים; און בָּלָק האָט צו אים געזאָגט: וואָס האָט גאָט גערעדט? [18] האָט ער אויפגעהויבן זיין שפּרוך, און האָט געזאָגט:

שטיי אויף, בָּלָק, און הער,
פאַרנעם צו מיר, זון פון צִפּור:
[19] ניט אַ מאַן איז גאָט, ער זאָל ליגן זאָגן,
ניט אַ מענטשנקינד, ער זאָל חרטה האָבן.
אַז ער זאָגט, וועט ער דען ניט טאָן?
און אַז ער רעדט, וועט ער עס ניט מקיים זיין?
[20] זע, „בענטש!“ האָב איך פאַרנומען,
און בענטשט ער, קען איך עס ניט אָפּהאַלטן.
[21] מע זעט ניט קיין אומרעכט אין יעקב,
און מע מערקט ניט קיין עוולה אין ישׂראל.
יהוה זיין גאָט איז מיט אים,
און די לײַטזעליקייט פון מלך איז אויף אים.
[22] גאָט ציט זיי אַרויס פון מִצרַיִם,
ווי הערנער פון אַ ווילדשטיר איז ער אים.
[23] וואָרום ניטאָ קיין כּישוף אין יעקב,
און קיין וואָרזאָגעניש אין ישׂראל.
אַצונד ווערט פון יעקב און ישׂראל געזאָגט:
וואָס גאָט האָט אויפגעטאָן!
[24] זע, אַ פאָלק וואָס שטייט אויף ווי אַ לייבינטע,
און הייבט זיך אויף ווי אַ לייב;
ער לייגט זיך ניט ביז ער עסט רויב,
און בלוט פון דערשלאָגענע טרינקט ער.

[25] האָט בָּלָק געזאָגט צו בִּלעָמען: ניט שילטן זאָלסטו אים שילטן, און ניט בענטשן זאָלסטו אים בענטשן. [26] האָט בִּלעָם געענטפערט און האָט געזאָגט צו בָּלָקן: האָב איך ניט גערעדט צו דיר, אַזוי צו זאָגן: אַלץ וואָס גאָט וועט רעדן, דאָס וועל איך טאָן? [27] האָט בָּלָק געזאָגט צו בִּלעָמען: קום, איך בעט דיך, איך וועל דיך נעמען צו אַן אַנדער אָרט; אפשר וועט ווילגעפעלן אין די אויגן פון גאָט, און וועסט מיר אים שילטן פון דאָרטן. [28] און בָּלָק האָט גענומען בִּלעָמען צום שפּיץ פְּעוֹר, וואָס קוקט אַראָפּ אויף דער ווּסטע. [29] האָט בִּלעָם געזאָגט צו בָּלָקן: בוי מיר דאָ זיבן מזבחות, און גרייט מיר דאָ צו זיבן אָקסן און זיבן ווידערס. [30] און בָּלָק האָט געטאָן אַזוי ווי בִּלעָם האָט געזאָגט, און ער האָט אויפּגעבראַכט אַן אָקס און אַ ווידער אויף אַ מזבח.

## כד

[1] און בִּלעָם האָט געזען אַז עס איז ווילגעפעלן אין די אויגן פון גאָט צו בענטשן ישׂראל, און ער איז ניט געגאַנגען אַזוי ווי די פריערדיקע מאָל, אַנטקעגן כּישוף־צייכנס, נאָר ער האָט געקערט זיין פּנים צום מדבר. [2] און בִּלעָם האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט געזען ישׂראל רוען לויט זיינע שבטים, און דער גייסט פון גאָט איז געקומען אויף אים. [3] און ער האָט אויפגעהויבן זיין שפּרוך, און האָט געזאָגט:

אַזוי רעדט בִּלעָם דער זון פון בְּעוֹר,
און אַזוי רעדט דער מאַן מיטן אָפענעם אויג;
[4] אַזוי רעדט דער וואָס הערט גאָטס ווערטער,
וואָס די זעאונג פון שַדַי טוט ער זען,
געפאַלן, מיט אויגן אַנטפּלעקטע:

ה עֵינָיִם׃ מַה־טֹּבוּ אֹהָלֶיךָ יַעֲקֹב מִשְׁכְּנֹתֶיךָ יִשְׂרָאֵל׃
ו כִּנְחָלִים נִטָּיוּ כְּגַנֹּת עֲלֵי נָהָר כַּאֲהָלִים נָטַע יְהוָה כַּאֲרָזִים
ז עֲלֵי־מָיִם׃ יִזַּל־מַיִם מִדָּלְיָו וְזַרְעוֹ בְּמַיִם רַבִּים וְיָרֹם
ח מֵאֲגַג מַלְכּוֹ וְתִנַּשֵּׂא מַלְכֻתוֹ׃ אֵל מוֹצִיאוֹ מִמִּצְרַיִם
כְּתוֹעֲפֹת רְאֵם לוֹ יֹאכַל גּוֹיִם צָרָיו וְעַצְמֹתֵיהֶם יְגָרֵם
ט וְחִצָּיו יִמְחָץ׃ כָּרַע שָׁכַב כַּאֲרִי וּכְלָבִיא מִי יְקִימֶנּוּ
י מְבָרְכֶיךָ בָרוּךְ וְאֹרְרֶיךָ אָרוּר׃ וַיִּחַר־אַף בָּלָק אֶל־בִּלְעָם
וַיִּסְפֹּק אֶת־כַּפָּיו וַיֹּאמֶר בָּלָק אֶל־בִּלְעָם לָקֹב אֹיְבַי קְרָאתִיךָ
יא וְהִנֵּה בֵּרַכְתָּ בָרֵךְ זֶה שָׁלֹשׁ פְּעָמִים׃ וְעַתָּה בְּרַח־לְךָ
אֶל־מְקוֹמֶךָ אָמַרְתִּי כַּבֵּד אֲכַבֶּדְךָ וְהִנֵּה מְנָעֲךָ יְהוָה
יב מִכָּבוֹד׃ וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל־בָּלָק הֲלֹא גַּם אֶל־מַלְאָכֶיךָ
יג אֲשֶׁר־שָׁלַחְתָּ אֵלַי דִּבַּרְתִּי לֵאמֹר׃ אִם־יִתֶּן־לִי בָלָק מְלֹא
בֵיתוֹ כֶּסֶף וְזָהָב לֹא אוּכַל לַעֲבֹר אֶת־פִּי יְהוָה לַעֲשׂוֹת
טוֹבָה אוֹ רָעָה מִלִּבִּי אֲשֶׁר־יְדַבֵּר יְהוָה אֹתוֹ אֲדַבֵּר׃
שב׳ וְעַתָּה הִנְנִי הוֹלֵךְ לְעַמִּי לְכָה אִיעָצְךָ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה הָעָם
טו הַזֶּה לְעַמְּךָ בְּאַחֲרִית הַיָּמִים׃ וַיִּשָּׂא מְשָׁלוֹ וַיֹּאמַר נְאֻם
טז בִּלְעָם בְּנוֹ בְעֹר וּנְאֻם הַגֶּבֶר שְׁתֻם הָעָיִן׃ נְאֻם שֹׁמֵעַ
אִמְרֵי־אֵל וְיֹדֵעַ דַּעַת עֶלְיוֹן מַחֲזֵה שַׁדַּי יֶחֱזֶה נֹפֵל וּגְלוּי
יז עֵינָיִם׃ אֶרְאֶנּוּ וְלֹא עַתָּה אֲשׁוּרֶנּוּ וְלֹא קָרוֹב דָּרַךְ כּוֹכָב
מִיַּעֲקֹב וְקָם שֵׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל וּמָחַץ פַּאֲתֵי מוֹאָב וְקַרְקַר
יח כָּל־בְּנֵי־שֵׁת׃ וְהָיָה אֱדוֹם יְרֵשָׁה וְהָיָה יְרֵשָׁה שֵׂעִיר אֹיְבָיו
יט וְיִשְׂרָאֵל עֹשֶׂה חָיִל׃ וְיֵרְדְּ מִיַּעֲקֹב וְהֶאֱבִיד שָׂרִיד מֵעִיר׃
כ וַיַּרְא אֶת־עֲמָלֵק וַיִּשָּׂא מְשָׁלוֹ וַיֹּאמַר רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק
כא וְאַחֲרִיתוֹ עֲדֵי אֹבֵד׃ וַיַּרְא אֶת־הַקֵּינִי וַיִּשָּׂא מְשָׁלוֹ וַיֹּאמַר
כב אֵיתָן מוֹשָׁבֶךָ וְשִׂים בַּסֶּלַע קִנֶּךָ׃ כִּי אִם־יִהְיֶה לְבָעֵר קָיִן
כג עַד־מָה אַשּׁוּר תִּשְׁבֶּךָּ׃ וַיִּשָּׂא מְשָׁלוֹ וַיֹּאמַר אוֹי מִי יִחְיֶה
כד מִשֻּׂמוֹ אֵל׃ וְצִים מִיַּד כִּתִּים וְעִנּוּ אַשּׁוּר וְעִנּוּ־עֵבֶר וְגַם־

ה׳ בראש עמוד סימן ביה שמ״ו  ו׳ קמץ בז״ק  יז׳ מלרע  כב׳ כצ״ל בהעמדה ותחת הע׳

5 ווי שיין זיינען דיינע געצעלטן, יעקב,
דיינע וווינונגען, ישראל!
6 ווי טאָלביימער זיינען זיי אויסגעשטרעקט,
ווי גערטנער בײַם טײַך,
ווי אַלאָען וואָס גאָט האָט געפּלאַנצט,
ווי צעדערן בײַם וואַסער.
7 וואַסער וועט רינען פון זיין צווייג,
און זיין זאָמען וועט זיין ביי פיל וואַסער;
און העכער פון אַגַג וועט זיין זיין מלך,
און דערהויבן וועט זיין זיין מלוכה.
8 גאָט ציט אים אַרויס פון מִצרַיִם,
ווי העדנער פון אַ ווילטיר איז ער אים;
ער וועט פאַרצערן די פעלקער, זיינע פיינט,
און זייערע ביינער צעקנאַקן;
און זיינע פיילן וועלן דורכלעכערן.
9 ער קניט, ער לייגט זיך ווי אַ לייב,
און ווי אַ לייבינטע—ווער קען אים אויפרייצן?
געבענטשט די וואָס בענטשן דיך,
און פאַרשאָלטן די וואָס שילטן דיך!

10 האָט דער צאָרן פון בָלָקן געגרימט אויף בִלעָמען, און ער האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט זיינע הענט; און בָלָק האָט געזאָגט צו בִלעָמען: צו שילטן מיינע שׂונאים האָב איך דיך גערופן, ערשט גאָר בענטשן האָסטו געבענטשט שוין דריי מאָל. 11 און אַצונד אַנטלויף דיר אין דיין היים; איך האָב געקלערט, גרויס כּבוד וועל איך דיר אָנטאָן, ערשט גאָט האָט דיך פאַרמיטן פון כּבוד. 12 האָט בִלעָם געזאָגט צו בָלָקן: האָב איך ניט גערעדט נאָך צו דיינע שלוחים, וואָס דו האָסט געשיקט צו מיר, אַזוי צו זאָגן: 13 ווען בָלָק זאָל מיר געבן זיין הויז פול מיט זילבער און גאָלד, קען איך ניט איבערטרעטן דעם באַפעל פון גאָט, צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס פון מיין אייגענעם האַרצן; וואָס גאָט וועט רעדן, דאָס וועל איך רעדן? 14 און אַצונד זע, איך גיי צו מיין פאָלק; קום, לאָמיך דיר באַשיידן וואָס דאָסדאָזיקע פאָלק וועט טאָן צו דיין פאָלק אין סוֹף פון די טעג. 15 און ער האָט אויפגעהויבן זיין שפּרוך, און האָט געזאָגט:

אַזוי רעדט בִלעָם דער זון פון בְעוֹר,
און אַזוי רעדט דער מאַן מיטן אָפענעם אויג;
16 אַזוי רעדט דער וואָס הערט גאָטס ווערטער,
און ווייס דעם מיין פון דעם העכסטן—
די זעאונג פון שַדַי טוט ער זען,
געפאַלן, מיט אויגן אַנטפּלעקטע:
17 איך זע אים, אָבער ניט אַצונד,
איך קוק אים אָן, אָבער ניט נאָענט;
אַ שטערן טרעט אַרויס פון יעקב,
און אַ צעפּטער וועט אויפשטיין פון ישראל,
און וועט צעהאַקן די ווינקלען פון מוֹאָב,
און צעברעכן אַלע קינדער פון שֵת.
18 און אֱדוֹם וועט ווערן אַן אַרב,
און אַן אַרב וועט ווערן שֵׂעִיר, זיין פיינט;
און ישראל וועט אויפטאָן גבוּרות.
19 און פון יעקב וועט איינער געוועלטיקן,
און אונטערברענגען אַן איבערבלייב פון שטאָט.

20 און ער האָט געזען עֲמָלֵק, און האָט אויפגעהויבן זיין שפּרוך, און האָט געזאָגט:
דער אָנהייב פון פעלקער איז עֲמָלֵק,
און זיין סוֹף איז צום אונטערגאַנג.

21 און ער האָט געזען דעם קֵיני, און האָט אויפגעהויבן זיין שפּרוך, און האָט געזאָגט:
פעסט איז דיין וווינונג,
און געמאַכט אין פעלז איז דיין נעסט;
22 אָבער צום פאַרטיליקן וועט זיין קַיִן;
אײדער וואָס וועט אַשור דיך פאַנגען.

23 און ער האָט אויפגעהויבן זיין שפּרוך, און האָט געזאָגט:
וויי, ווער קען לעבן ווען ער וועט דאָסדאָזיקע טאָן!
24 אָבער שיפן וועלן קומען פון דעם ברעג פון די כִּתִּים,
און זיי וועלן פּייניקן אַשור, און פּייניקן עֵבֶר;
און ער אויך איז צום אונטערגאַנג.

הוּא עֲדֵי אֹבֵד׃ וַיָּקָם בִּלְעָם וַיֵּלֶךְ וַיָּשָׁב לִמְקֹמוֹ וְגַם־ כה
בָּלָק הָלַךְ לְדַרְכּוֹ׃ פ

כה

וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בַּשִּׁטִּים וַיָּחֶל הָעָם לִזְנוֹת אֶל־בְּנוֹת מוֹאָב׃ א
וַתִּקְרֶאןָ לָעָם לְזִבְחֵי אֱלֹהֵיהֶן וַיֹּאכַל הָעָם וַיִּשְׁתַּחֲווּ ב
לֵאלֹהֵיהֶן׃ וַיִּצָּמֶד יִשְׂרָאֵל לְבַעַל פְּעוֹר וַיִּחַר־אַף יְהוָה ג
בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה קַח אֶת־כָּל־רָאשֵׁי הָעָם ד
וְהוֹקַע אוֹתָם לַיהוָה נֶגֶד הַשָּׁמֶשׁ וְיָשֹׁב חֲרוֹן אַף־יְהוָה
מִיִּשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל־שֹׁפְטֵי יִשְׂרָאֵל הִרְגוּ אִישׁ ה
אֲנָשָׁיו הַנִּצְמָדִים לְבַעַל פְּעוֹר׃ וְהִנֵּה אִישׁ מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל ו
בָּא וַיַּקְרֵב אֶל־אֶחָיו אֶת־הַמִּדְיָנִית לְעֵינֵי מֹשֶׁה וּלְעֵינֵי כָּל־
עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל וְהֵמָּה בֹכִים פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וַיַּרְא מפ׳
פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן וַיָּקָם מִתּוֹךְ הָעֵדָה וַיִּקַּח
רֹמַח בְּיָדוֹ׃ וַיָּבֹא אַחַר אִישׁ־יִשְׂרָאֵל אֶל־הַקֻּבָּה וַיִּדְקֹר ח
אֶת־שְׁנֵיהֶם אֵת אִישׁ יִשְׂרָאֵל וְאֶת־הָאִשָּׁה אֶל־קֳבָתָהּ
וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּהְיוּ הַמֵּתִים בַּמַּגֵּפָה ט
אַרְבָּעָה וְעֶשְׂרִים אָלֶף׃ פ

25 און בִּלְעָם איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען, און האָט זיך אומגעקערט צו זיין היים, און אויך בָּלָק איז געגאַנגען אויף זיין וועג.

כה 1 און ישׂראל איז געזעסן אין שִׁטים, און דאָס פאָלק האָט גענומען מזנה זיין מיט די טעכטער פון מוֹאָב. 2 און זיי האָבן גערופן דאָס פאָלק צו די שלאַכטאָפּפער פון זייערע געטער, און דאָס פאָלק האָט געגעסן, און האָט זיך געבוקט צו זייערע געטער. 3 און ישׂראל האָט זיך באַהעפט אָן דעם בַּעל פון פְּעוֹר, און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף ישׂראל. 4 האָט גאָט געזאָגט צו משהן: נעם אַלע הויפּטלייט פון דעם פאָלק, און הענג זיי אויף פאַר גאָט אַקעגן דער זון, און דער גרימצאָרן פון גאָט וועט זיך אָפּקערן פון ישׂראל. 5 און משה האָט געזאָגט צו די ריכטער פון ישׂראל: הרגעט איטלעכער זיינע מענטשן וואָס האָבן זיך באַהעפט אָן דעם בַּעל פון פְּעוֹר.

6 ערשט אַ מאַן פון די קינדער פון ישׂראל איז געקומען, און האָט געבראַכט צו זיינע ברידער אַ מִדְיָנית פאַר די אויגן פון משהן, און פאַר די אויגן פון דער גאַנצער עדה פון די קינדער פון ישׂראל, בעת זיי האָבן געוויינט ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד. 7 האָט דערזען פינחס דער זון פון אֶלְעָזָר, דעם זון פון אַהרן דעם כֹּהן, און ער איז אויפגעשטאַנען פון צווישן דער עדה, און האָט גענומען אַ שפּיז אין זיין האַנט; 8 און ער איז אַריינגעגאַנגען נאָך דעם מאַן פון ישׂראל אין דער קאַמער, און האָט זיי ביידן דורכגעשטאָכן, דעם מאַן פון ישׂראל, און די פרוי דורך איר בויך. און די מגפה איז פאַרהאַלטן געוואָרן פון די קינדער פון ישׂראל. 9 און די וואָס זיינען געשטאָרבן אין דער מגפה, זיינען געווען פיר און צוואַנציק טויזנט.

# פִּינְחָס

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר בֶּן־ י יא
אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת־חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ
אֶת־קִנְאָתִי בְּתוֹכָם וְלֹא־כִלִּיתִי אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּקִנְאָתִי׃
לָכֵן אֱמֹר הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת־בְּרִיתִי שָׁלוֹם׃ וְהָיְתָה לּוֹ יב יג
וּלְזַרְעוֹ אַחֲרָיו בְּרִית כְּהֻנַּת עוֹלָם תַּחַת אֲשֶׁר קִנֵּא לֵאלֹהָיו
וַיְכַפֵּר עַל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְשֵׁם אִישׁ יִשְׂרָאֵל הַמֻּכֶּה אֲשֶׁר יד
הֻכָּה אֶת־הַמִּדְיָנִית זִמְרִי בֶּן־סָלוּא נְשִׂיא בֵית־אָב לַשִּׁמְעֹנִי׃
וְשֵׁם הָאִשָּׁה הַמֻּכָּה הַמִּדְיָנִית כָּזְבִּי בַת־צוּר רֹאשׁ אֻמּוֹת טו
בֵּית־אָב בְּמִדְיָן הוּא׃ פ

יב׳ ו׳ קטיעה

10 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 11 פינחס דער זון פון אֶלְעָזָר, דעם זון פון אַהרן דעם כֹּהן, האָט אָפּגעקערט מיין גרימצאָרן פון די קינדער פון ישׂראל מיט וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פון מיינעטוועגן צווישן זיי, און איך האָב ניט פאַרלענדט די קינדער פון ישׂראל אין מיין צאָרן. 12 דרום זאָג: זע, איך גיב אים מיין בונד פון שלום. 13 און עס זאָל זיין אים און זיין זאָמען נאָך אים אַ בונד פון אייביקער כהונה, דערפאַר וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פון זיין גאָטס וועגן, און האָט מכפר געווען אויף די קינדער פון ישׂראל.

14 און דער נאָמען פון דעם דערשלאָגענעם מאַן פון ישׂראל, וואָס איז דערשלאָגן געוואָרן מיט דער מִדְיָנית, איז געווען זִמרי דער זון פון סָלוּאן, אַ פירשט פון אַ פאָטערהויז ביי די שמעונים. 15 און דער נאָמען פון דער דערשלאָגענער מִדְיָנישער פרוי איז געווען כָּזְבִּי די טאָכטער פון צורן, וואָס איז געווען אַ פאָלקהויפּטמאַן פון אַ פאָטערהויז אין מִדְיָן.

טז וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ צָרוֹר אֶת־הַמִּדְיָנִים וְהִכִּיתֶם
יז
יח אוֹתָם׃ כִּי צֹרְרִים הֵם לָכֶם בְּנִכְלֵיהֶם אֲשֶׁר־נִכְּלוּ לָכֶם עַל־
דְּבַר פְּעוֹר וְעַל־דְּבַר כָּזְבִּי בַת־נְשִׂיא מִדְיָן אֲחֹתָם הַמֻּכָּה
יט בְיוֹם־הַמַּגֵּפָה עַל־דְּבַר פְּעוֹר׃ וַיְהִי אַחֲרֵי הַמַּגֵּפָה פ

כו

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל אֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן לֵאמֹר׃
ב שְׂאוּ אֶת־רֹאשׁ ׀ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה
ג וָמַעְלָה לְבֵית אֲבֹתָם כָּל־יֹצֵא צָבָא בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיְדַבֵּר
מֹשֶׁה וְאֶלְעָזָר הַכֹּהֵן אֹתָם בְּעַרְבֹת מוֹאָב עַל־יַרְדֵּן יְרֵחוֹ
ד לֵאמֹר׃ מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמָעְלָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־
שני מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל הַיֹּצְאִים מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ רְאוּבֵן בְּכוֹר
ה יִשְׂרָאֵל בְּנֵי רְאוּבֵן חֲנוֹךְ מִשְׁפַּחַת הַחֲנֹכִי לְפַלּוּא מִשְׁפַּחַת
ו הַפַּלֻּאִי׃ לְחֶצְרֹן מִשְׁפַּחַת הַחֶצְרוֹנִי לְכַרְמִי מִשְׁפַּחַת
ז הַכַּרְמִי׃ אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת הָרֻאוּבֵנִי וַיִּהְיוּ פְקֻדֵיהֶם שְׁלֹשָׁה
ח וְאַרְבָּעִים אֶלֶף וּשְׁבַע מֵאוֹת וּשְׁלֹשִׁים׃ וּבְנֵי פַלּוּא אֱלִיאָב׃
ט וּבְנֵי אֱלִיאָב נְמוּאֵל וְדָתָן וַאֲבִירָם הוּא־דָתָן וַאֲבִירָם קְרוּאֵי
הָעֵדָה אֲשֶׁר הִצּוּ עַל־מֹשֶׁה וְעַל־אַהֲרֹן בַּעֲדַת־קֹרַח
י בְּהַצֹּתָם עַל־יְהוָה׃ וַתִּפְתַּח הָאָרֶץ אֶת־פִּיהָ וַתִּבְלַע אֹתָם
וְאֶת־קֹרַח בְּמוֹת הָעֵדָה בַּאֲכֹל הָאֵשׁ אֵת חֲמִשִּׁים וּמָאתַיִם
יא
יב אִישׁ וַיִּהְיוּ לְנֵס׃ וּבְנֵי־קֹרַח לֹא־מֵתוּ׃ ס בְּנֵי שִׁמְעוֹן
לְמִשְׁפְּחֹתָם לִנְמוּאֵל מִשְׁפַּחַת הַנְּמוּאֵלִי לְיָמִין מִשְׁפַּחַת
יג הַיָּמִינִי לְיָכִין מִשְׁפַּחַת הַיָּכִינִי׃ לְזֶרַח מִשְׁפַּחַת הַזַּרְחִי
יד לְשָׁאוּל מִשְׁפַּחַת הַשָּׁאוּלִי׃ אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת הַשִּׁמְעֹנִי שְׁנַיִם
טו וְעֶשְׂרִים אֶלֶף וּמָאתָיִם׃ ס בְּנֵי גָד לְמִשְׁפְּחֹתָם לִצְפוֹן
מִשְׁפַּחַת הַצְּפוֹנִי לְחַגִּי מִשְׁפַּחַת הַחַגִּי לְשׁוּנִי מִשְׁפַּחַת
טז הַשּׁוּנִי׃ לְאָזְנִי מִשְׁפַּחַת הָאָזְנִי לְעֵרִי מִשְׁפַּחַת הָעֵרִי׃
יז לַאֲרוֹד מִשְׁפַּחַת הָאֲרוֹדִי לְאַרְאֵלִי מִשְׁפַּחַת הָאַרְאֵלִי׃

כה, יט׳ פסקא באמצע פסוק   כו, ז׳ כצל   ט׳ קריאי ק

[16] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [17] איר זאָלט פֿײַנטן די מִדְיָנים, און זיי שלאָגן, [18] וואָרום זיי האָבן אײַך געפֿײַנט מיט זייערע תּחבולות וואָס זיי האָבן אויסגעקלערט אַקעגן אײַך אין דער מעשׂה פֿון פְּעוֹר, און אין דער מעשׂה מיט כָּזבי דער טאָכטער פֿון דעם פֿירשט פֿון מִדְיָן, זייער שוועסטער וואָס איז דערשלאָגן געוואָרן אין טאָג פֿון דער מגפֿה, אין דער מעשׂה פֿון פְּעוֹר.

[19] און עס איז געווען נאָך דער מגפֿה, **כו** [1] האָט גאָט געזאָגט צו משהן און צו אֶלעָזָר דעם זון פֿון אַהרן דעם כּהן, אַזוי צו זאָגן: [2] נעמט אויף די צאָל פֿון דער גאַנצער עדה פֿון די קינדער פֿון ישׂראל, פֿון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, לויט זייערע פֿאָטערהײַזער, איטלעכן וואָס גייט אַרויס אין חיל אין ישׂראל.

[3] און משה און אֶלעָזָר דער כּהן האָבן גערעדט מיט זיי אין די פּלוינען פֿון מואָב בײַם יַרדן לעבן ירִיחו, אַזוי צו זאָגן: [4] [מע זאָל אויפֿנעמען] פֿון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, אַזוי ווי גאָט האָט באַפֿוילן משהן, און די קינדער פֿון ישׂראל וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון לאַנד מִצרַיִם.

[5] ראובן, דער בכור פֿון ישׂראלן: די קינדער פֿון ראובן: חֲנוֹך— די משפּחה פֿון די חֲנוֹכים; פֿון פַּלואן די משפּחה פֿון די פַּלואים; [6] פֿון חֶצרוֹנען די משפּחה פֿון די חֶצרוֹנים; פֿון כַּרמין די משפּחה פֿון די כַּרמים. [7] דאָס זײַנען די משפּחות פֿון די ראובֵנים; און זייערע געציילטע זײַנען געווען דרײַ און פֿערציק טויזנט און זיבן הונדערט און דרײַסיק. [8] און די זין פֿון פַּלואן: אֶליאָב. [9] און די זין פֿון אֶליאָבן: נמואֵל, און דָתָן, און אַבירָם. דאָס זײַנען דָתָן און אַבירָם, די גערופֿענע פֿון דער עדה, וואָס האָבן געקריגט אַקעגן משהן און אַקעגן אַהרנען אין קֹרחס געזעמל, ווען זיי האָבן געקריגט אַקעגן גאָט; [10] און די ערד האָט געעפֿנט איר מויל, און האָט אײַנגעשלונגען זיי און קֹרחן, ווען דאָס געזעמל איז אומגעקומען; ווען אַ פֿײַער האָט פֿאַרצערט די צוויי הונדערט און פֿופֿציק מאַן, און זיי זײַנען געוואָרן פֿאַר אַ צייכן. [11] אָבער קֹרחס זין זײַנען ניט אומגעקומען.

[12] די קינדער פֿון שמעון לויט זייערע משפּחות: פֿון נמואֵלן די משפּחה פֿון די נמואֵלים; פֿון יָמינען די משפּחה פֿון די יָמינים; פֿון יָכינען די משפּחה פֿון די יָכינים; [13] פֿון זֶרחן די משפּחה פֿון די זַרחים; פֿון שָׁאולן די משפּחה פֿון די שָׁאולים. [14] דאָס זײַנען די משפּחות פֿון די שמעונים, צוויי און צוואַנציק טויזנט און צוויי הונדערט.

[15] די קינדער פֿון גָד לויט זייערע משפּחות: פֿון צפֿונען די משפּחה פֿון די צפֿונים; פֿון חַגין די משפּחה פֿון די חַגים; פֿון שונין די משפּחה פֿון די שונים; [16] פֿון אָזנין די משפּחה פֿון די אָזנים; פֿון עֵרין די משפּחה פֿון די עֵרים; [17] פֿון אַרוֹדן די משפּחה פֿון די אַרוֹדים; פֿון אַראֵלין די משפּחה פֿון די אַראֵלים. [18] דאָס זײַנען די משפּחות פֿון די

אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי־גָד לִפְקֻדֵיהֶם אַרְבָּעִים אֶלֶף וַחֲמֵשׁ יח
מֵאוֹת׃ ס בְּנֵי יְהוּדָה עֵר וְאוֹנָן וַיָּמָת עֵר וְאוֹנָן בְּאֶרֶץ יט
כְּנָעַן׃ וַיִּהְיוּ בְנֵי־יְהוּדָה לְמִשְׁפְּחֹתָם לְשֵׁלָה מִשְׁפַּחַת כ
הַשֵּׁלָנִי לְפֶרֶץ מִשְׁפַּחַת הַפַּרְצִי לְזֶרַח מִשְׁפַּחַת הַזַּרְחִי׃
וַיִּהְיוּ בְנֵי־פֶרֶץ לְחֶצְרֹן מִשְׁפַּחַת הַחֶצְרֹנִי לְחָמוּל מִשְׁפַּחַת כא
הֶחָמוּלִי׃ אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת יְהוּדָה לִפְקֻדֵיהֶם שִׁשָּׁה וְשִׁבְעִים כב
אֶלֶף וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת׃ ס בְּנֵי יִשָּׂשכָר לְמִשְׁפְּחֹתָם תּוֹלָע כג
מִשְׁפַּחַת הַתּוֹלָעִי לְפֻוָּה מִשְׁפַּחַת הַפּוּנִי׃ לְיָשׁוּב מִשְׁפַּחַת כד
הַיָּשֻׁבִי לְשִׁמְרֹן מִשְׁפַּחַת הַשִּׁמְרֹנִי׃ אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת יִשָּׂשכָר כה
לִפְקֻדֵיהֶם אַרְבָּעָה וְשִׁשִּׁים אֶלֶף וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת׃ ס בְּנֵי כו
זְבוּלֻן לְמִשְׁפְּחֹתָם לְסֶרֶד מִשְׁפַּחַת הַסַּרְדִּי לְאֵלוֹן מִשְׁפַּחַת
הָאֵלֹנִי לְיַחְלְאֵל מִשְׁפַּחַת הַיַּחְלְאֵלִי׃ אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת כז
הַזְּבוּלֹנִי לִפְקֻדֵיהֶם שִׁשִּׁים אֶלֶף וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת׃ ס בְּנֵי כח
יוֹסֵף לְמִשְׁפְּחֹתָם מְנַשֶּׁה וְאֶפְרָיִם׃ בְּנֵי מְנַשֶּׁה לְמָכִיר כט
מִשְׁפַּחַת הַמָּכִירִי וּמָכִיר הוֹלִיד אֶת־גִּלְעָד לְגִלְעָד מִשְׁפַּחַת
הַגִּלְעָדִי׃ אֵלֶּה בְּנֵי גִלְעָד אִיעֶזֶר מִשְׁפַּחַת הָאִיעֶזְרִי לְחֵלֶק ל
מִשְׁפַּחַת הַחֶלְקִי׃ וְאַשְׂרִיאֵל מִשְׁפַּחַת הָאַשְׂרִאֵלִי וְשֶׁכֶם לא
מִשְׁפַּחַת הַשִּׁכְמִי׃ וּשְׁמִידָע מִשְׁפַּחַת הַשְּׁמִידָעִי וְחֵפֶר לב
מִשְׁפַּחַת הַחֶפְרִי׃ וּצְלָפְחָד בֶּן־חֵפֶר לֹא־הָיוּ לוֹ בָּנִים כִּי לג
אִם־בָּנוֹת וְשֵׁם בְּנוֹת צְלָפְחָד מַחְלָה וְנֹעָה חָגְלָה מִלְכָּה
וְתִרְצָה׃ אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת מְנַשֶּׁה וּפְקֻדֵיהֶם שְׁנַיִם וַחֲמִשִּׁים לד
אֶלֶף וּשְׁבַע מֵאוֹת׃ ס אֵלֶּה בְנֵי־אֶפְרַיִם לְמִשְׁפְּחֹתָם לה
לְשׁוּתֶלַח מִשְׁפַּחַת הַשֻּׁתַלְחִי לְבֶכֶר מִשְׁפַּחַת הַבַּכְרִי
לְתַחַן מִשְׁפַּחַת הַתַּחֲנִי׃ וְאֵלֶּה בְּנֵי שׁוּתָלַח לְעֵרָן מִשְׁפַּחַת לו
הָעֵרָנִי׃ אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי־אֶפְרַיִם לִפְקֻדֵיהֶם שְׁנַיִם לז
וּשְׁלֹשִׁים אֶלֶף וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת אֵלֶּה בְנֵי־יוֹסֵף לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ ס
בְּנֵי בִנְיָמִן לְמִשְׁפְּחֹתָם לְבֶלַע מִשְׁפַּחַת הַבַּלְעִי לְאַשְׁבֵּל לח
מִשְׁפַּחַת הָאַשְׁבֵּלִי לַאֲחִירָם מִשְׁפַּחַת הָאֲחִירָמִי׃ לִשְׁפוּפָם לט

קינדער פון גָד לויט זייערע געציילטע, פערציק טויזנט און פינף הונדערט.

19 די זין פון יהודהן: עֵר און אוֹנָן. און עֵר און אוֹנָן זיינען געשטאָרבן אין לאַנד כּנַעַן. 20 און די קינדער פון יהודה לויט זייערע משפחות זיינען געווען: פון שֵׁלָהן די משפחה פון די שֵׁלונים; פון פֶּרֶצן די משפחה פון פַּרצים; פון זֶרַחן די משפחה פון די זַרחים. 21 און די קינדער פון פֶּרֶץ זיינען געווען: פון חֶצרונען די משפחה פון די חֶצרונים; פון חָמולן די משפחה פון די חָמולים. 22 דאָס זיינען די משפחות פון יהודה לויט זייערע געציילטע, זעקס און זיבעציק טויזנט און פינף הונדערט.

23 די קינדער פון יִשָׂשׂכָר לויט זייערע משפחות: תּוֹלָע– די משפחה פון די תּוֹלָעִים; פון פּוּוָהן די משפחה פון די פּונים; 24 פון יָשובן די משפחה פון די יָשובים; פון שִׁמרונען די משפחה פון די שִׁמרונים. 25 דאָס זיינען די משפחות פון יִשָׂשׂכָר לויט זייערע געציילטע, פיר און זעכציק טויזנט און דריי הונדערט.

26 די קינדער פון זבולון לויט זייערע משפחות: פון סֶרֶדן די משפחה פון די סַרדים; פון אֵלונען די משפחה פון די אֵלונים; פון יַחלאֵלן די משפחה פון די יַחלאֵלים. 27 דאָס זיינען די משפחות פון די זבולונים לויט זייערע געציילטע, זעכציק טויזנט און פינף הונדערט.

28 די קינדער פון יוסף לויט זייערע משפחות: מנשה און אפרים. 29 די קינדער פון מנשה: פון מָכירן די משפחה פון די מָכירים; און מָכיר האָט געבאָרן גִלעָדן; פון גִלעָדן די משפחה פון די גִלעָדים. 30 דאָס זיינען די קינדער פון גִלעָד: אִיעֶזֶר–די משפחה פון די אִיעֶזרים; פון חֵלֶקן די משפחה פון די חֶלקים; 31 און אַשׂריאֵל–די משפחה פון די אַשׂריאֵלים; און שֶׁכֶם–די משפחה פון די שִׁכמים; 32 און שמידָע–די משפחה פון די שמידָעים; און חֵפֶר–די משפחה פון די חֶפרים. 33 און צלָפחָד דער זון פון חֵפֶרן, ער האָט ניט געהאַט קיין זין, נאָר בלויז טעכטער; און די נעמען פון צלָפחָדס טעכטער זיינען געווען: מַחלָה, און נוֹעָה, חָגלָה, מִלכָּה, און תִּרצָה. 34 דאָס זיינען די משפחות פון מנשה; און זייערע געציילטע זיינען געווען צוויי און פופציק טויזנט און זיבן הונדערט.

35 דאָס זיינען די קינדער פון אפרים לויט זייערע משפחות: פון שותֶלַחן די משפחה פון די שותַלחים; פון בֶּכֶרן די משפחה פון די בִּכרים; פון תַּחַנען די משפחה פון די תַּחנים. 36 און דאָס זיינען די קינדער פון שותֶלַח: פון עֵרָנען די משפחה פון די עֵרָנים. 37 דאָס זיינען די משפחות פון די קינדער פון אפרים לויט זייערע געציילטע, צוויי און דרייסיק טויזנט און פינף הונדערט. דאָס זיינען די קינדער פון יוסף לויט זייערע משפחות.

38 די קינדער פון בנימינען לויט זייערע משפחות: פון בֶּלַען די משפחה פון די בַּלעִים; פון אַשבֵּלן די משפחה פון די אַשבֵּלים; פון אַחירָמען די משפחה פון די אַחירָמים; 39 פון שפופָמען די משפחה פון די שופָמים; פון חופָמען די

מ מִשְׁפַּחַת הַשּׁוּפָמִי לְחוּפָם מִשְׁפַּחַת הַחוּפָמִי׃ וַיִּהְיוּ בְנֵי־
בֶלַע אַרְדְּ וְנַעֲמָן מִשְׁפַּחַת הָאַרְדִּי לְנַעֲמָן מִשְׁפַּחַת הַנַּעֲמִי׃
מא אֵלֶּה בְנֵי־בִנְיָמִן לְמִשְׁפְּחֹתָם וּפְקֻדֵיהֶם חֲמִשָּׁה וְאַרְבָּעִים
מב אֶלֶף וְשֵׁשׁ מֵאוֹת׃ ס אֵלֶּה בְנֵי־דָן לְמִשְׁפְּחֹתָם לְשׁוּחָם
מג מִשְׁפַּחַת הַשּׁוּחָמִי אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת דָּן לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ כָּל־
מִשְׁפְּחֹת הַשּׁוּחָמִי לִפְקֻדֵיהֶם אַרְבָּעָה וְשִׁשִּׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע
מד מֵאוֹת׃ ס בְּנֵי אָשֵׁר לְמִשְׁפְּחֹתָם לְיִמְנָה מִשְׁפַּחַת
הַיִּמְנָה לְיִשְׁוִי מִשְׁפַּחַת הַיִּשְׁוִי לִבְרִיעָה מִשְׁפַּחַת הַבְּרִיעִי׃
מה לִבְנֵי בְרִיעָה לְחֵבֶר מִשְׁפַּחַת הַחֶבְרִי לְמַלְכִּיאֵל מִשְׁפַּחַת
מו מז הַמַּלְכִּיאֵלִי׃ וְשֵׁם בַּת־אָשֵׁר שָׂרַח׃ אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת בְּנֵי־
אָשֵׁר לִפְקֻדֵיהֶם שְׁלֹשָׁה וַחֲמִשִּׁים אֶלֶף וְאַרְבַּע מֵאוֹת׃ ס
מח בְּנֵי נַפְתָּלִי לְמִשְׁפְּחֹתָם לְיַחְצְאֵל מִשְׁפַּחַת הַיַּחְצְאֵלִי לְגוּנִי
מט מִשְׁפַּחַת הַגּוּנִי׃ לְיֵצֶר מִשְׁפַּחַת הַיִּצְרִי לְשִׁלֵּם מִשְׁפַּחַת
נ הַשִּׁלֵּמִי׃ אֵלֶּה מִשְׁפְּחֹת נַפְתָּלִי לְמִשְׁפְּחֹתָם וּפְקֻדֵיהֶם
נא חֲמִשָּׁה וְאַרְבָּעִים אֶלֶף וְאַרְבַּע מֵאוֹת׃ אֵלֶּה פְּקוּדֵי בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל שֵׁשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף וָאָלֶף שְׁבַע מֵאוֹת וּשְׁלֹשִׁים׃ פ
שלי נג וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ לָאֵלֶּה תֵּחָלֵק הָאָרֶץ
נד בְּנַחֲלָה בְּמִסְפַּר שֵׁמוֹת׃ לָרַב תַּרְבֶּה נַחֲלָתוֹ וְלַמְעַט
נה תַּמְעִיט נַחֲלָתוֹ אִישׁ לְפִי פְקֻדָיו יֻתַּן נַחֲלָתוֹ׃ אַךְ־בְּגוֹרָל
נו יֵחָלֵק אֶת־הָאָרֶץ לִשְׁמוֹת מַטּוֹת־אֲבֹתָם יִנְחָלוּ׃ עַל־פִּי
נז הַגּוֹרָל תֵּחָלֵק נַחֲלָתוֹ בֵּין רַב לִמְעָט׃ ס וְאֵלֶּה פְקוּדֵי
הַלֵּוִי לְמִשְׁפְּחֹתָם לְגֵרְשׁוֹן מִשְׁפַּחַת הַגֵּרְשֻׁנִּי לִקְהָת
נח מִשְׁפַּחַת הַקְּהָתִי לִמְרָרִי מִשְׁפַּחַת הַמְּרָרִי׃ אֵלֶּה ׀ מִשְׁפְּחֹת
לֵוִי מִשְׁפַּחַת הַלִּבְנִי מִשְׁפַּחַת הַחֶבְרֹנִי מִשְׁפַּחַת הַמַּחְלִי
מִשְׁפַּחַת הַמּוּשִׁי מִשְׁפַּחַת הַקָּרְחִי וּקְהָת הוֹלִד אֶת־עַמְרָם׃
נט וְשֵׁם ׀ אֵשֶׁת עַמְרָם יוֹכֶבֶד בַּת־לֵוִי אֲשֶׁר יָלְדָה אֹתָהּ
לְלֵוִי בְּמִצְרָיִם וַתֵּלֶד לְעַמְרָם אֶת־אַהֲרֹן וְאֶת־מֹשֶׁה וְאֵת
ס מִרְיָם אֲחֹתָם׃ וַיִּוָּלֵד לְאַהֲרֹן אֶת־נָדָב וְאֶת־אֲבִיהוּא אֶת־

משפחה פון די חוּפָמים. 40 און די זין פון בֶּלַען זײַנען געווען אַרד און נַעֲמָן. [פון אַרדן] די משפחה פון די אַרדים; פון נַעֲמָנען די משפחה פון די נַעֲמָנים. 41 דאָס זײַנען די קינדער פון בנימין לויט זייערע משפחות; און זייערע געציילטע זײַנען געווען פינף און פערציק טויזנט און זעקס הונדערט.

42 דאָס זײַנען די קינדער פון דָן לויט זייערע משפחות: פון שוּחָמען די משפחה פון די שוּחָמים. דאָס זײַנען די משפחות פון דָן לויט זייערע משפחות. 43 אַלע משפחות פון די שוּחָמים לויט זייערע געציילטע זײַנען געווען פיר און זעכציק טויזנט און פיר הונדערט.

44 די קינדער פון אָשר לויט זייערע משפחות: פון יִמנָהן די משפחה פון יִמנָה; פון יִשוִין די משפחה פון די יִשוִים; פון בריעָהן די משפחה פון די בריעִים. 45 פון די זין פון בריעָהן: פון חֶבֶרן די משפחה פון די חֶברים; פון מַלכיאֵלן די משפחה פון די מַלכיאֵלים. 46 און דער נאָמען פון אָשרס טאָכטער איז געווען שֶׂרַח. 47 דאָס זײַנען די משפחות פון די קינדער פון אָשר לויט זייערע געציילטע, דרײַ און פופציק טויזנט און פיר הונדערט.

48 די קינדער פון נפתלי לויט זייערע משפחות: פון יַחצאֵלן די משפחה פון די יַחצאֵלים; פון גונין די משפחה פון די גונים; 49 פון יֵצֶרן די משפחה פון די יִצרים; פון שִׁלֵמען די משפחה פון די שִׁלֵמים. 50 דאָס זײַנען די משפחות פון נפתלי לויט זייערע משפחות; און זייערע געציילטע זײַנען געווען פינף און פערציק טויזנט און פיר הונדערט.

51 דאָס זײַנען די געציילטע פון די קינדער פון ישראל, זעקס הונדערט טויזנט און טויזנט זיבן הונדערט און דרײַסיק.

52 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 53 צו די דאָזיקע זאָל אײַנגעטיילט ווערן דאָס לאַנד פאַר אַ נחלה לויט דער צאָל פון נעמען. 54 דעם מערערן זאָלסטו געבן מער נחלה, און דעם ווייניקערן זאָלסטו געבן ווייניקער נחלה; איטלעכן לויט זײַנע געציילטע זאָל געגעבן ווערן זײַן נחלה. 55 אָבער דורך גורל זאָל צעטיילט ווערן דאָס לאַנד; לויט די נעמען פון זייערע פאָטערשטאַמען זאָלן זיי אַרבן. 56 לויטן גורל זאָל זייער נחלה אויסגעטיילט ווערן, סײַ דעם מערערן סײַ דעם ווייניקערן.

57 און דאָס זײַנען די געציילטע פון די לוִיִם לויט זייערע משפחות: פון גֵרשונען די משפחה פון די גֵרשונים; פון קהָתן די משפחה פון די קהָתים; פון מְרָרין די משפחה פון די מְרָרים. 58 דאָס זײַנען די משפחות פון לֵוִי: די משפחה פון די לִבנים, די משפחה פון די חֶברונים, די משפחה פון די מַחלים, די משפחה פון די מושים, די משפחה פון די קָרחים. און קהָת האָט געבאָרן עַמרָמען. 59 און דער נאָמען פון עַמרָמס ווײַב איז געווען יוֹכֶבֶד, לֵוִיס טאָכטער וואָס איז געבאָרן געוואָרן בײַ לֵוִין אין מִצרַיִם; און זי האָט פון עַמרָמען געבאָרן אַהרנען און משהן, און זייער שוועסטער מרים. 60 און בײַ אַהרנען זײַנען

סא אֶלְעָזָר וְאֶת־אִיתָמָר׃ וַיָּמָת נָדָב וַאֲבִיהוּא בְּהַקְרִיבָם
סב אֵשׁ־זָרָה לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיִּהְיוּ פְקֻדֵיהֶם שְׁלֹשָׁה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף
כָּל־זָכָר מִבֶּן־חֹדֶשׁ וָמָעְלָה כִּי ׀ לֹא הָתְפָּקְדוּ בְּתוֹךְ בְּנֵי
סג יִשְׂרָאֵל כִּי לֹא־נִתַּן לָהֶם נַחֲלָה בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ אֵלֶּה
פְּקוּדֵי מֹשֶׁה וְאֶלְעָזָר הַכֹּהֵן אֲשֶׁר פָּקְדוּ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
סד בְּעַרְבֹת מוֹאָב עַל יַרְדֵּן יְרֵחוֹ׃ וּבְאֵלֶּה לֹא־הָיָה אִישׁ
מִפְּקוּדֵי מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן הַכֹּהֵן אֲשֶׁר פָּקְדוּ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
סה בְּמִדְבַּר סִינָי׃ כִּי־אָמַר יְהוָה לָהֶם מוֹת יָמֻתוּ בַּמִּדְבָּר וְלֹא־
נוֹתַר מֵהֶם אִישׁ כִּי אִם־כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן׃ ס

כז

א וַתִּקְרַבְנָה בְּנוֹת צְלָפְחָד בֶּן־חֵפֶר בֶּן־גִּלְעָד בֶּן־מָכִיר בֶּן־
מְנַשֶּׁה לְמִשְׁפְּחֹת מְנַשֶּׁה בֶן־יוֹסֵף וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֹתָיו מַחְלָה
ב נֹעָה וְחָגְלָה וּמִלְכָּה וְתִרְצָה׃ וַתַּעֲמֹדְנָה לִפְנֵי מֹשֶׁה וְלִפְנֵי
אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וְלִפְנֵי הַנְּשִׂיאִם וְכָל־הָעֵדָה פֶּתַח אֹהֶל־מוֹעֵד
ג לֵאמֹר׃ אָבִינוּ מֵת בַּמִּדְבָּר וְהוּא לֹא־הָיָה בְּתוֹךְ הָעֵדָה
הַנּוֹעָדִים עַל־יְהוָה בַּעֲדַת־קֹרַח כִּי־בְחֶטְאוֹ מֵת וּבָנִים לֹא־
ד הָיוּ לוֹ׃ לָמָּה יִגָּרַע שֵׁם־אָבִינוּ מִתּוֹךְ מִשְׁפַּחְתּוֹ כִּי אֵין
ה לוֹ בֵּן תְּנָה־לָּנוּ אֲחֻזָּה בְּתוֹךְ אֲחֵי אָבִינוּ׃ וַיַּקְרֵב מֹשֶׁה אֶת־
מִשְׁפָּטָן לִפְנֵי יְהוָה׃ פ
רב׳ ז וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ כֵּן בְּנוֹת צְלָפְחָד דֹּבְרֹת
נָתֹן תִּתֵּן לָהֶם אֲחֻזַּת נַחֲלָה בְּתוֹךְ אֲחֵי אֲבִיהֶם וְהַעֲבַרְתָּ
ח אֶת־נַחֲלַת אֲבִיהֶן לָהֶן׃ וְאֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל תְּדַבֵּר לֵאמֹר
אִישׁ כִּי־יָמוּת וּבֵן אֵין לוֹ וְהַעֲבַרְתֶּם אֶת־נַחֲלָתוֹ לְבִתּוֹ׃
ט י וְאִם־אֵין לוֹ בַּת וּנְתַתֶּם אֶת־נַחֲלָתוֹ לְאֶחָיו׃ וְאִם־אֵין לוֹ
יא אַחִים וּנְתַתֶּם אֶת־נַחֲלָתוֹ לַאֲחֵי אָבִיו׃ וְאִם־אֵין אַחִים
לְאָבִיו וּנְתַתֶּם אֶת־נַחֲלָתוֹ לִשְׁאֵרוֹ הַקָּרֹב אֵלָיו מִמִּשְׁפַּחְתּוֹ

כז, ה׳ נון רבתי

געבאָרן געוואָרן נָדָב, און אַביהוא, אֶלְעָזָר, און איתָמָר. 61 און נָדָב און אַביהוא זיינען געשטאָרבן ווען זיי האָבן גע־בראַכט פרעמד פייער פאַר גאָט.

62 און זייערע געציילטע זיינען געווען דריי און צוואַנציק טויזנט, אַלע מאַנספּאַרשוינען פון אַ חודש אַלט און העכער; וואָרום זיי זיינען ניט געציילט געוואָרן צווישן די קינדער פון ישׂראל, ווייל זיי איז ניט געגעבן געוואָרן קיין נחלה צווישן די קינדער פון ישׂראל.

63 דאָס זיינען די וואָס זיינען געציילט געוואָרן פון משהן און אֶלְעָזָר דעם כֹּהן, וואָס האָבן געציילט די קינ־דער פון ישׂראל אין די פּלוינען פון מוֹאָב ביים יַרדן לעבן יריחו. 64 און צווישן דידאָזיקע איז ניט געווען קיינער פון די וואָס זיינען געציילט געוואָרן פון משהן און אַהרן דעם כֹּהן, וואָס האָבן געציילט די קינדער פון ישׂראל אין מדבר סינַי. 65 וואָרום גאָט האָט וועגן זיי געזאָגט: שטאַרבן אין מדבר וועלן זיי שטאַרבן; און קיינער פון זיי איז ניט געבליבן אַחוץ כָּלֵב דער זון פון יפוּנֶהן, און יהושוּעַ דער זון פון נון.

כז 1 האָבן גענענט די טעכטער פון צְלָפְחָד דעם זון פון חֵפֶר, דעם זון פון גִלְעָד, דעם זון פון מָכִיר, דעם זון פון מנשהן, פון די משפּחות פון מנשה, יוספֿס זון — און דאָס זיינען געווען די נעמען פון זיינע טעכטער: מַחלָה, נוֹעָה, און חָגלָה, און מִלכָּה, און תִּרצָה — 2 און זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר משהן און פאַר אֶלְעָזָר דעם כֹּהן, און פאַר די פירשטן און דער גאַנצער עדה, ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד, אַזוי צו זאָגן: 3 אונדזער פאָטער איז געשטאָרבן אין דער מדבר, און ער איז ניט געווען צווישן דעם געזמל וואָס האָט זיך אַיינגעזאַמלט אַקעגן גאָט אין קֹרחס געזעמל, נייערט אין זיין אייגענער זינד איז ער געשטאָרבן; און קיין זין האָט ער ניט געהאַט. 4 פאַרוואָס זאָל געמינערט ווערן דער נאָמען פון אונדזער פאָטער פון צווישן זיין משפּחה, ווייל ער האָט ניט קיין זון? גיב אונדז אַן אייגנטום צווישן די ברידער פון אונדזער פאָטער.

5 האָט משה געבראַכט זייער משפּט פאַר גאָט. 6 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 7 גערעכט טענהן די טעכטער פון צְלָפְחָדן: געבן זאָלסטו זיי געבן אַן אייגנטום פון אַ נחלה צווישן די ברידער פון זייער פאָטער, און זאָלסט מאַכן איבערגיין די נחלה פון זייער פאָטער צו זיי. 8 און צו די קינדער פון ישׂראל זאָלסטו רעדן, אַזוי צו זאָגן: אַז אַ מאַן וועט שטאַרבן, און ער האָט ניט קיין זון, זאָלט איר מאַכן איבערגיין זיין נחלה צו זיין טאָכטער. 9 און אויב ער האָט ניט קיין טאָכטער, זאָלט איר געבן זיין נחלה צו זיינע ברידער. 10 און אויב ער האָט ניט קיין ברידער, זאָלט איר געבן זיין נחלה צו די ברידער פון זיין פאָטער. 11 און אויב זיין פאָטער האָט ניט קיין ברידער, זאָלט איר געבן זיין נחלה צו זיין

וְיָרַשׁ אֹתָהּ וְהָיְתָה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לְחֻקַּת מִשְׁפָּט כַּאֲשֶׁר
צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ פ
יב וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה עֲלֵה אֶל־הַר הָעֲבָרִים הַזֶּה וּרְאֵה
יג אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְרָאִיתָה אֹתָהּ
וְנֶאֱסַפְתָּ אֶל־עַמֶּיךָ גַּם־אָתָּה כַּאֲשֶׁר נֶאֱסַף אַהֲרֹן אָחִיךָ׃
יד כַּאֲשֶׁר מְרִיתֶם פִּי בְּמִדְבַּר־צִן בִּמְרִיבַת הָעֵדָה לְהַקְדִּישֵׁנִי
בַמַּיִם לְעֵינֵיהֶם הֵם מֵי־מְרִיבַת קָדֵשׁ מִדְבַּר־צִן׃ ס
טו טז וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־יְהוָה לֵאמֹר׃ יִפְקֹד יְהוָה אֱלֹהֵי הָרוּחֹת
יז לְכָל־בָּשָׂר אִישׁ עַל־הָעֵדָה׃ אֲשֶׁר־יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר
יָבֹא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יוֹצִיאֵם וַאֲשֶׁר יְבִיאֵם וְלֹא תִהְיֶה עֲדַת
יח יְהוָה כַּצֹּאן אֲשֶׁר אֵין־לָהֶם רֹעֶה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה
קַח־לְךָ אֶת־יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן אִישׁ אֲשֶׁר־רוּחַ בּוֹ וְסָמַכְתָּ אֶת־
יט יָדְךָ עָלָיו׃ וְהַעֲמַדְתָּ אֹתוֹ לִפְנֵי אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וְלִפְנֵי כָּל־
כ הָעֵדָה וְצִוִּיתָה אֹתוֹ לְעֵינֵיהֶם׃ וְנָתַתָּה מֵהוֹדְךָ עָלָיו לְמַעַן
כא יִשְׁמְעוּ כָּל־עֲדַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְלִפְנֵי אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן יַעֲמֹד
וְשָׁאַל לוֹ בְּמִשְׁפַּט הָאוּרִים לִפְנֵי יְהוָה עַל־פִּיו יֵצְאוּ וְעַל־
כב פִּיו יָבֹאוּ הוּא וְכָל־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל אִתּוֹ וְכָל־הָעֵדָה׃ וַיַּעַשׂ מֹשֶׁה
כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֹתוֹ וַיִּקַּח אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וַיַּעֲמִדֵהוּ לִפְנֵי
כג אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וְלִפְנֵי כָּל־הָעֵדָה׃ וַיִּסְמֹךְ אֶת־יָדָיו עָלָיו וַיְצַוֵּהוּ
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה׃ פ

## כח

חמ׳ ב וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ צַו אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ
אֲלֵהֶם אֶת־קָרְבָּנִי לַחְמִי לְאִשַּׁי רֵיחַ נִיחֹחִי תִּשְׁמְרוּ לְהַקְרִיב
ג לִי בְּמוֹעֲדוֹ׃ וְאָמַרְתָּ לָהֶם זֶה הָאִשֶּׁה אֲשֶׁר תַּקְרִיבוּ לַיהוָה
ד כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה תְמִימִם שְׁנַיִם לַיּוֹם עֹלָה תָמִיד׃ אֶת־
הַכֶּבֶשׂ אֶחָד תַּעֲשֶׂה בַבֹּקֶר וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי תַּעֲשֶׂה
ה בֵּין הָעַרְבָּיִם׃ וַעֲשִׂירִית הָאֵיפָה סֹלֶת לְמִנְחָה בְּלוּלָה
ו בְּשֶׁמֶן כָּתִית רְבִיעִת הַהִין׃ עֹלַת תָּמִיד הָעֲשֻׂיָה בְּהַר סִינַי

נענטסטן קרוב פון זיין משפחה, און ער זאָל זי ירשען. און דאָס זאָל זיין די קינדער פון ישׂראל פאַר אַ רעכט־געזעץ, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

[12] און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: גיי אַרויף אויף דעמדאָזיקן באַרג עֲבָרים, און קוק אָן דאָס לאַנד, וואָס איך האָב געגעבן צו די קינדער פון ישׂראל. [13] און אַז דו וועסט עס האָבן אָנגעקוקט, וועסט דו אויך אַיינגעזאַמלט ווערן צו דיין פאָלק, אַזוי ווי דיין ברודער אַהרן איז אַיינגעזאַמלט געוואָרן. [14] אַזוי ווי איר האָט ווידערשפּעניקט מיין באַפעל, אין מדבר צִן ביי דעם קריג פון דער עדה, מיך צו הייליקן ביים וואַסער פאַר זייערע אויגן. דאָס איז דאָס וואַסער פון מריבַת־קָדֵש אין מדבר צִן.

[15] האָט משה גערעדט צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: [16] זאָל יהוה דער גאָט פון די גייסטער פון אַלע באַשעפעניש אָנזעצן אַ מאַן איבער דער עדה, [17] וואָס זאָל אַרויסגיין פאַר זיי פאַרויס, און וואָס זאָל אַריינקומען פאַר זיי פאַרויס, און וואָס זאָל זיי אַרויספירן, און וואָס זאָל זיי אַריינברענגען, כדי די עדה פון גאָט זאָל ניט זיין אַזוי ווי שאָף וואָס האָבן ניט קיין פאַסטוך.

[18] האָט גאָט געזאָגט צו משהן: נעם דיר יהושעַ דעם זון פון נון, אַ מאַן וואָס אין אים איז דאָ גייסט, און זאָלסט אָנלענען דיין האַנט אויף אים. [19] און זאָלסט אים שטעלן פאַר אֶלעָזר דעם כֹּהן, און פאַר דער גאַנצער עדה, און זאָלסט אים איבערגעבן דיין צַוָאָה פאַר זייערע אויגן. [20] און זאָלסט אַרויפטאָן פון דיין גלאַנץ אויף אים, כדי די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישׂראל זאָלן געהאָרכן. [21] און ער זאָל שטיין פאַר אֶלעָזר דעם כֹּהן, און ער וועט פרעגן פאַר אים דעם באַשייד פון די אורים פאַר גאָט. לויט זיין מויל זאָלן זיי אַרויסגיין, און לויט זיין מויל זאָלן זיי אַריינקומען, ער און גאַנץ ישׂראל מיט אים—די גאַנצע עדה.

[22] האָט משה געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן, און ער האָט גענומען יהושוען, און האָט אים געשטעלט פאַר אֶלעָזר דעם כֹּהן, און פאַר דער גאַנצער עדה. [23] און ער האָט אָנגעלענט זיינע הענט אויף אים, און האָט אים איבערגעגעבן זיין צַוָאָה, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט דורך משהן.

## כח

[1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] באַפעל די קינדער פון ישׂראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי: מיין קרבן, מיין שפּייז פון מיינע פייעראָפּפער, פאַר אַ געשמאַקן ריח צו מיר, זאָלט איר היטן מקריב צו זיין צו מיר אין זיין געשטעלטער צייט. [3] און זאָלסט זאָגן צו זיי: דאָס איז דאָס פייעראָפּפער וואָס איר זאָלט מקריב זיין צו גאָט: צוויי שעפּסן יאָריקע, אָן אַ פעלער, אַ טאָג, אַ שטענדיק בראַנדאָפּפער. [4] איין שעפּס זאָלסטו מאַכן אין דער פרי, און דעם צווייטן זאָלסטו מאַכן קעגן אָוונט. [5] און אַ צענטל אֵיפָה זעמלמעל פאַר אַ שפּייזאָפּפער, פאַרמישט מיט געשלאָגענעם אייל, אַ פערטל הין. [6] אַ שטענדיק בראַנדאָפּפער, אַזוי ווי עס איז געמאַכט געוואָרן ביים באַרג סיני, פאַר אַ

לְרֵיחַ נִיחֹחַ אִשֵּׁה לַיהוָה׃ וְנִסְכּוֹ רְבִיעִת הַהִין לַכֶּבֶשׂ
ח הָאֶחָד בַּקֹּדֶשׁ הַסֵּךְ נֶסֶךְ שֵׁכָר לַיהוָה׃ וְאֵת הַכֶּבֶשׂ הַשֵּׁנִי
תַּעֲשֶׂה בֵּין הָעַרְבָּיִם כְּמִנְחַת הַבֹּקֶר וּכְנִסְכּוֹ תַּעֲשֶׂה אִשֵּׁה
רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה׃ פ
ט וּבְיוֹם הַשַּׁבָּת שְׁנֵי־כְבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה תְּמִימִם וּשְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים
י סֹלֶת מִנְחָה בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן וְנִסְכּוֹ׃ עֹלַת שַׁבַּת בְּשַׁבַּתּוֹ
עַל־עֹלַת הַתָּמִיד וְנִסְכָּהּ׃ פ
יא וּבְרָאשֵׁי חָדְשֵׁיכֶם תַּקְרִיבוּ עֹלָה לַיהוָה פָּרִים בְּנֵי־בָקָר
שְׁנַיִם וְאַיִל אֶחָד כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה שִׁבְעָה תְּמִימִם׃
יב וּשְׁלֹשָׁה עֶשְׂרֹנִים סֹלֶת מִנְחָה בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לַפָּר הָאֶחָד
וּשְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים סֹלֶת מִנְחָה בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לָאַיִל הָאֶחָד׃
יג וְעִשָּׂרֹן עִשָּׂרוֹן סֹלֶת מִנְחָה בְּלוּלָה בַשֶּׁמֶן לַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד
יד עֹלָה רֵיחַ נִיחֹחַ אִשֶּׁה לַיהוָה׃ וְנִסְכֵּיהֶם חֲצִי הַהִין יִהְיֶה
לַפָּר וּשְׁלִישִׁת הַהִין לָאַיִל וּרְבִיעִת הַהִין לַכֶּבֶשׂ יָיִן זֹאת
טו עֹלַת חֹדֶשׁ בְּחָדְשׁוֹ לְחָדְשֵׁי הַשָּׁנָה׃ וּשְׂעִיר עִזִּים אֶחָד
לְחַטָּאת לַיהוָה עַל־עֹלַת הַתָּמִיד יֵעָשֶׂה וְנִסְכּוֹ׃ ס
ששי וּבַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ פֶּסַח לַיהוָה׃
יז וּבַחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הַזֶּה חָג שִׁבְעַת יָמִים מַצּוֹת
יח יֵאָכֵל׃ בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן מִקְרָא־קֹדֶשׁ כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא
יט תַעֲשׂוּ׃ וְהִקְרַבְתֶּם אִשֶּׁה עֹלָה לַיהוָה פָּרִים בְּנֵי־בָקָר
שְׁנַיִם וְאַיִל אֶחָד וְשִׁבְעָה כְבָשִׂים בְּנֵי שָׁנָה תְּמִימִם יִהְיוּ
כ לָכֶם׃ וּמִנְחָתָם סֹלֶת בְּלוּלָה בַשָּׁמֶן שְׁלֹשָׁה עֶשְׂרֹנִים
כא לַפָּר וּשְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים לָאַיִל תַּעֲשׂוּ׃ עִשָּׂרוֹן עִשָּׂרוֹן תַּעֲשֶׂה
כב לַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד לְשִׁבְעַת הַכְּבָשִׂים׃ וּשְׂעִיר חַטָּאת אֶחָד
כג לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם׃ מִלְּבַד עֹלַת הַבֹּקֶר אֲשֶׁר לְעֹלַת הַתָּמִיד
כד תַּעֲשׂוּ אֶת־אֵלֶּה׃ כָּאֵלֶּה תַּעֲשׂוּ לַיּוֹם שִׁבְעַת יָמִים לֶחֶם
אִשֵּׁה רֵיחַ־נִיחֹחַ לַיהוָה עַל־עוֹלַת הַתָּמִיד יֵעָשֶׂה וְנִסְכּוֹ׃

* הפי פתוחה

געשמאַקן ריח, אַ פֿייעראָפּפּער צו גאָט. [7] און זיין גיס־אָפּפּער: אַ פערטל הין צו דעם איין שעפּס; אין הייליק־טום זאָלסטו גיסן דאָס גיסאָפּפּער פון שטאַרקן געטראַנק צו גאָט. [8] און דעם צווייטן שעפּס זאָלסטו מאַכן קעגן אָוונט; אַזוי ווי דאָס שפּייזאָפּפּער פון אין דער פרי, און אַזוי ווי זיין גיסאָפּפּער, זאָלסטו מאַכן, אַ פֿייעראָפּפּער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט.

[9] און אין טאָג פון שבת: צוויי שעפּסן יאָריקע אָן אַ פעלער, און צוויי צענטל זעמלמעל, אַ שפּייזאָפּפּער, פאַרמישט מיט אייל, מיט זיין גיסאָפּפּער; [10] אַ בראַנד־אָפּפּער פון שבת אין שבת, אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנד־אָפּפּער און זיין גיסאָפּפּער.

[11] און אין אייערע ראש־חודשן זאָלט איר מקריב זיין אַ בראַנדאָפּפּער צו גאָט: צוויי יונגע אָקסן, און איין ווידער; זיבן שעפּסן יאָריקע, אָן אַ פעלער. [12] און דריי צענטל זעמלמעל, אַ שפּייזאָפּפּער, פאַרמישט מיט אייל, צו איטלעכן אָקס, און צוויי צענטל זעמלמעל, אַ שפּייזאָפּפּער, פאַרמישט מיט אייל, צו דעם איין ווידער; [13] און צו צענטל, צו צענטל זעמלמעל, אַ שפּייזאָפּפּער, פאַרמישט מיט אייל, צו איטלעכן שעפּס. אַ בראַנדאָפּפּער פאַר אַ געשמאַקן ריח, אַ פֿייעראָפּפּער צו גאָט. [14] און זייערע גיסאָפּפּער: אַ האַלבער הין וויין זאָל זיין צו אַן אָקס, און אַ דריטל הין צו אַ ווידער, און אַ פערטל הין צו אַ שעפּס. דאָס איז דאָס בראַנדאָפּפּער פון ראש־חודש אין ראש־חודש פאַר די חדשים פון יאָר. [15] און איין ציגנבאָק פאַר אַ זינדאָפּפּער צו גאָט, אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפּער, זאָל געמאַכט ווערן, מיט זיין גיסאָפּפּער.

[16] און אין ערשטן חודש, אין פערצנטן טאָג פון חודש, זאָל זיין אַ קרבן־פּסח צו גאָט. [17] און אין פופצנטן טאָג פון דעמדאָזיקן חודש, זאָל זיין אַ יום־טוב. זיבן טעג זאָל געגעסן ווערן מצות. [18] אין ערשטן טאָג זאָל זיין אַ הייליקע צו־נויפרופונג; קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן. [19] און איר זאָלט מקריב זיין אַ פֿייעראָפּפּער, אַ בראַנדאָפּפּער צו גאָט: צוויי יונגע אָקסן, און איין ווידער, און זיבן שעפּסן יאָריקע; אָן אַ פעלער זאָלן זיי ביי אייך זיין. [20] און זייער שפּייז־אָפּפּער: זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל; דריי צענטל צו אַן אָקס, און צוויי צענטל צו אַ ווידער, זאָלט איר מאַכן. [21] צו צענטל, צו צענטל זאָלסטו מאַכן פאַר איטלעכן שעפּס פון די זיבן שעפּסן. [22] און איין באָק אַ זינדאָפּפּער, מכפּר צו זיין אויף אייך. [23] אַחוץ דעם בראַנדאָפּפּער פון אין דער פרי, וואָס פאַרן שטענדיקן בראַנדאָפּפּער, זאָלט איר מאַכן דידאָזיקע. [24] אַזוי ווי דידאָזיקע זאָלט איר מאַכן טעגלעך זיבן טעג, אַ שפּייז פון פֿייעראָפּפּער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט. אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפּער זאָל עס געמאַכט ווערן, מיט זיין גיסאָפּפּער.

25 און אויפן זיבעטן טאָג זאָל זיין אַ הייליקע צונויפרופונג בײַ אײַך; קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן.

26 און אין טאָג פון די ערשטצייטיקע, ווען איר ברענגט אַ שפּײַזאָפּפער פון נײַער תבואה צו גאָט, אין אײַער שבועות, זאָל זיין אַ הייליקע צונויפרופונג בײַ אײַך; קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן. 27 און איר זאָלט מקריב זיין אַ בראַנדאָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט: צוויי יונגע אָקסן, איין ווידער, זיבן שעפּסן יאָריקע. 28 און זייער שפּײַזאָפּפער: זעמלמעל פאַר־מישט מיט אייל, דריי צענטל צו איטלעכן אָקס, צוויי צענטל צו דעם איין ווידער; 29 צו צענטל, צו צענטל פאַר איטלעכן שעפּס פון די זיבן שעפּסן. 30 איין ציגנבאָק, מכפּר צו זיין אויף אײַך. 31 אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנד־אָפּפער און זיין שפּײַזאָפּפער זאָלט איר זיי מאַכן—אָן אַ פעלער זאָלן זיי בײַ אײַך זיין—מיט זייערע גיסאָפּפער.

# כט

1 און אין זיבעטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, זאָל זיין אַ הייליקע צונויפרופונג בײַ אײַך, קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן; אַ טאָג פון שאַלונג זאָל עס אײַך זיין.

כה וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי מִקְרָא־קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה
כו לֹא תַעֲשׂוּ׃ ס וּבְיוֹם הַבִּכּוּרִים בְּהַקְרִיבְכֶם מִנְחָה
חֲדָשָׁה לַיהוָה בְּשָׁבֻעֹתֵיכֶם מִקְרָא־קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם כָּל־
כז מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ׃ וְהִקְרַבְתֶּם עוֹלָה לְרֵיחַ נִיחֹחַ
לַיהוָה פָּרִים בְּנֵי־בָקָר שְׁנַיִם אַיִל אֶחָד שִׁבְעָה כְבָשִׂים בְּנֵי
כח שָׁנָה׃ וּמִנְחָתָם סֹלֶת בְּלוּלָה בַשָּׁמֶן שְׁלֹשָׁה עֶשְׂרֹנִים לַפָּר
כט הָאֶחָד שְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים לָאַיִל הָאֶחָד׃ עִשָּׂרוֹן עִשָּׂרוֹן לַכֶּבֶשׂ
ל הָאֶחָד לְשִׁבְעַת הַכְּבָשִׂים׃ שְׂעִיר עִזִּים אֶחָד לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם׃
לא מִלְּבַד עֹלַת הַתָּמִיד וּמִנְחָתוֹ תַּעֲשׂוּ תְּמִימִם יִהְיוּ־לָכֶם
וְנִסְכֵּיהֶם׃ פ

## כט

א וּבַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ מִקְרָא־קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם
כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ יוֹם תְּרוּעָה יִהְיֶה לָכֶם׃
ב וַעֲשִׂיתֶם עֹלָה לְרֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה פַּר בֶּן־בָּקָר אֶחָד אַיִל
ג אֶחָד כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה שִׁבְעָה תְּמִימִם׃ וּמִנְחָתָם סֹלֶת
בְּלוּלָה בַשָּׁמֶן שְׁלֹשָׁה עֶשְׂרֹנִים לַפָּר שְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים לָאָיִל׃
ד ה וְעִשָּׂרוֹן אֶחָד לַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד לְשִׁבְעַת הַכְּבָשִׂים׃ וּשְׂעִיר־
ו עִזִּים אֶחָד חַטָּאת לְכַפֵּר עֲלֵיכֶם׃ מִלְּבַד עֹלַת הַחֹדֶשׁ
וּמִנְחָתָהּ וְעֹלַת הַתָּמִיד וּמִנְחָתָהּ וְנִסְכֵּיהֶם כְּמִשְׁפָּטָם לְרֵיחַ
ז נִיחֹחַ אִשֶּׁה לַיהוָה׃ ס וּבֶעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי הַזֶּה
מִקְרָא־קֹדֶשׁ יִהְיֶה לָכֶם וְעִנִּיתֶם אֶת־נַפְשֹׁתֵיכֶם כָּל־
ח מְלָאכָה לֹא תַעֲשׂוּ׃ וְהִקְרַבְתֶּם עֹלָה לַיהוָה רֵיחַ נִיחֹחַ
פַּר בֶּן־בָּקָר אֶחָד אַיִל אֶחָד כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה שִׁבְעָה
ט תְּמִימִם יִהְיוּ לָכֶם׃ וּמִנְחָתָם סֹלֶת בְּלוּלָה בַשָּׁמֶן שְׁלֹשָׁה
י עֶשְׂרֹנִים לַפָּר שְׁנֵי עֶשְׂרֹנִים לָאַיִל הָאֶחָד׃ עִשָּׂרוֹן עִשָּׂרוֹן
יא לַכֶּבֶשׂ הָאֶחָד לְשִׁבְעַת הַכְּבָשִׂים׃ שְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד חַטָּאת
מִלְּבַד חַטַּאת הַכִּפֻּרִים וְעֹלַת הַתָּמִיד וּמִנְחָתָהּ וְנִסְכֵּיהֶם׃
שב׳ ס וּבַחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי מִקְרָא־קֹדֶשׁ

2 און איר זאָלט מאַכן אַ בראַנדאָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט: איין יונגן אָקס, איין ווידער, זיבן שעפּסן יאָריקע, אָן אַ פעלער. 3 און זייער שפּײַזאָפּפער: זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, דריי צענטל צו דעם אָקס, צוויי צענטל צו דעם ווידער, 4 און איין צענטל צו איטלעכן שעפּס פון די זיבן שעפּסן. 5 און איין ציגנבאָק אַ זינדאָפּפער, מכפּר צו זיין אויף אײַך. 6 אַחוץ דעם בראַנד־אָפּפער פון ראשחודש און זיין שפּײַזאָפּפער, און דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער און זיין שפּײַזאָפּפער, און זייערע גיסאָפּפער, לויט זייער דין, פאַר אַ געשמאַקן ריח, אַ פײַעראָפּפער צו גאָט.

7 און אין צענטן טאָג פון דעמדאָזיקן זיבעטן חודש זאָל זיין אַ הייליקע צונויפרופונג בײַ אײַך; און איר זאָלט פּײַניקן אײַער זעל; קיין אַרבעט זאָלט איר ניט טאָן. 8 און איר זאָלט מקריב זיין אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט פאַר אַ געשמאַקן ריח: איין יונגן אָקס, איין ווידער, זיבן שעפּסן יאָריקע; אָן אַ פעלער זאָלן זיי בײַ אײַך זיין. 9 און זייער שפּײַזאָפּפער: זעמל־מעל פאַרמישט מיט אייל, דריי צענטל צו דעם אָקס, צוויי צענטל צו דעם איין ווידער; 10 צו צענטל, צו צענטל פאַר איטלעכן שעפּס פון די זיבן שעפּסן. 11 איין ציגנבאָק אַ זינדאָפּפער. אַחוץ דעם זינדאָפּפער פון פאַרגעבונג, און דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער און זיין שפּײַזאָפּפער, און זייערע גיסאָפּפער.

12 און אין פופצנטן טאָג פון זיבעטן חודש זאָל זיין אַ הייליקע צונויפרופונג בײַ אײַך; קיין דינסטאַרבעט

יִהְיֶה לָכֶם כָּל־מְלֶאכֶת עֲבֹדָה לֹא תַעֲשׂוּ וְחַגֹּתֶם חַג לַיהוָה
יג שִׁבְעַת יָמִים׃ וְהִקְרַבְתֶּם עֹלָה אִשֵּׁה רֵיחַ נִיחֹחַ לַיהוָה פָּרִים
בְּנֵי־בָקָר שְׁלֹשָׁה עָשָׂר אֵילִם שְׁנָיִם כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
יד אַרְבָּעָה עָשָׂר תְּמִימִם יִהְיוּ׃ וּמִנְחָתָם סֹלֶת בְּלוּלָה בַשָּׁמֶן
שְׁלֹשָׁה עֶשְׂרֹנִים לַפָּר הָאֶחָד לִשְׁלֹשָׁה עָשָׂר פָּרִים שְׁנֵי
טו עֶשְׂרֹנִים לָאַיִל הָאֶחָד לִשְׁנֵי הָאֵילִם׃ וְעִשָּׂרוֹן עִשָּׂרוֹן לַכֶּבֶשׂ
טז הָאֶחָד לְאַרְבָּעָה עָשָׂר כְּבָשִׂים׃ וּשְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד חַטָּאת
יז מִלְּבַד עֹלַת הַתָּמִיד מִנְחָתָהּ וְנִסְכָּהּ׃ ס וּבַיּוֹם הַשֵּׁנִי
פָּרִים בְּנֵי־בָקָר שְׁנֵים עָשָׂר אֵילִם שְׁנָיִם כְּבָשִׂים בְּנֵי־
יח שָׁנָה אַרְבָּעָה עָשָׂר תְּמִימִם׃ וּמִנְחָתָם וְנִסְכֵּיהֶם לַפָּרִים
יט לָאֵילִם וְלַכְּבָשִׂים בְּמִסְפָּרָם כַּמִּשְׁפָּט׃ וּשְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד
כ חַטָּאת מִלְּבַד עֹלַת הַתָּמִיד וּמִנְחָתָהּ וְנִסְכֵּיהֶם׃ ס וּבַיּוֹם
הַשְּׁלִישִׁי פָּרִים עַשְׁתֵּי־עָשָׂר אֵילִם שְׁנָיִם כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
כא אַרְבָּעָה עָשָׂר תְּמִימִם׃ וּמִנְחָתָם וְנִסְכֵּיהֶם לַפָּרִים לָאֵילִם
כב וְלַכְּבָשִׂים בְּמִסְפָּרָם כַּמִּשְׁפָּט׃ וּשְׂעִיר חַטָּאת אֶחָד
כג מִלְּבַד עֹלַת הַתָּמִיד וּמִנְחָתָהּ וְנִסְכָּהּ׃ ס וּבַיּוֹם
הָרְבִיעִי פָּרִים עֲשָׂרָה אֵילִם שְׁנָיִם כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה
כד אַרְבָּעָה עָשָׂר תְּמִימִם׃ מִנְחָתָם וְנִסְכֵּיהֶם לַפָּרִים לָאֵילִם
כה וְלַכְּבָשִׂים בְּמִסְפָּרָם כַּמִּשְׁפָּט׃ וּשְׂעִיר־עִזִּים אֶחָד חַטָּאת
כו מִלְּבַד עֹלַת הַתָּמִיד מִנְחָתָהּ וְנִסְכָּהּ׃ ס וּבַיּוֹם הַחֲמִישִׁי
פָּרִים תִּשְׁעָה אֵילִם שְׁנָיִם כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה אַרְבָּעָה
כז עָשָׂר תְּמִימִם׃ וּמִנְחָתָם וְנִסְכֵּיהֶם לַפָּרִים לָאֵילִם וְלַכְּבָשִׂים
כח בְּמִסְפָּרָם כַּמִּשְׁפָּט׃ וּשְׂעִיר חַטָּאת אֶחָד מִלְּבַד עֹלַת
כט הַתָּמִיד וּמִנְחָתָהּ וְנִסְכָּהּ׃ ס וּבַיּוֹם הַשִּׁשִּׁי פָּרִים שְׁמֹנָה
אֵילִם שְׁנָיִם כְּבָשִׂים בְּנֵי־שָׁנָה אַרְבָּעָה עָשָׂר תְּמִימִם׃
ל וּמִנְחָתָם וְנִסְכֵּיהֶם לַפָּרִים לָאֵילִם וְלַכְּבָשִׂים בְּמִסְפָּרָם
לא כַּמִּשְׁפָּט׃ וּשְׂעִיר חַטָּאת אֶחָד מִלְּבַד עֹלַת הַתָּמִיד

טו׳ נקוד על ו׳ בתרא

זאָלט איר ניט טאָן. און איר זאָלט פייערן אַ פייערטאָג צו גאָט זיבן טעג. [13] און איר זאָלט מקריב זיין אַ בראַנדאָפּפער פאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט: דרייצן יונגע אָקסן, צוויי ווידערס, פערצן שעפּסן יאָריקע; אָן אַ פעלער זאָלן זיי זיין. [14] און זייער שפּייזאָפּפער: זעמלמעל פאַרמישט מיט אייל, דריי צענטל צו איטלעכן אָקס פון די דרייצן אָקסן, צוויי צענטל צו איטלעכן ווידער פון די צוויי ווידערס, [15] און צו צענטל, צו צענטל פאַר איטלעכן שעפּס פון די פערצן שעפּסן. [16] און איין ציגנבאָק אַ זינדאָפּפער. אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער, זיין שפּייזאָפּפער, און זיין גיסאָפּפער.

[17] און אויפן צווייטן טאָג: צוועלף יונגע אָקסן, צוויי ווידערס, פערצן שעפּסן יאָריקע, אָן אַ פעלער. [18] און זייער שפּייזאָפּפער און זייערע גיסאָפּפער, צו די אָקסן, צו די ווידערס, און צו די שעפּסן, לויט זייער צאָל, אַזוי ווי דער דין. [19] און איין ציגנבאָק אַ זינדאָפּפער. אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער און זיין שפּייזאָפּפער, און זייערע גיסאָפּפער.

[20] און אויפן דריטן טאָג: עלף יונגע אָקסן, צוויי ווידערס, פערצן שעפּסן יאָריקע, אָן אַ פעלער. [21] און זייער שפּייזאָפּפער און זייערע גיסאָפּפער, צו די אָקסן, צו די ווידערס, און צו די שעפּסן, לויט זייער צאָל אַזוי ווי דער דין. [22] און איין באָק אַ זינדאָפּפער. אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער און זיין שפּייזאָפּפער און זיין גיסאָפּפער.

[23] און אויפן פירטן טאָג: צען אָקסן, צוויי ווידערס, פערצן שעפּסן יאָריקע, אָן אַ פעלער. [24] און זייער שפּייזאָפּפער און זייערע גיסאָפּפער, צו די אָקסן, צו די ווידערס, און צו די שעפּסן, לויט זייער צאָל אַזוי ווי דער דין. [25] און איין ציגנבאָק אַ זינדאָפּפער. אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער, זיין שפּייזאָפּפער, און זיין גיסאָפּפער.

[26] און אויפן פינפטן טאָג: ניין אָקסן, צוויי ווידערס, פערצן שעפּסן יאָריקע, אָן אַ פעלער. [27] און זייער שפּייזאָפּפער און זייערע גיסאָפּפער, צו די אָקסן, צו די ווידערס, און צו די שעפּסן, לויט זייער צאָל אַזוי ווי דער דין. [28] און איין באָק אַ זינדאָפּפער. אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער און זיין שפּייזאָפּפער, און זיין גיסאָפּפער.

[29] און אויפן זעקסטן טאָג: אַכט אָקסן, צוויי ווידערס, פערצן שעפּסן יאָריקע, אָן אַ פעלער. [30] און זייער שפּייזאָפּפער און זייערע גיסאָפּפער, צו די אָקסן, צו די ווידערס, און צו די שעפּסן, לויט זייער צאָל אַזוי ווי דער דין. [31] און איין באָק אַ זינדאָפּפער. אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפער, זיין שפּייזאָפּפער, און זיינע גיסאָפּפער.

[32] און אויפֿן זיבעטן טאָג: זיבן אָקסן, צוויי ווידערס,
פֿערצן שעפּסן יאָריקע, אָן אַ פֿעלער. [33] און זייער
שפּייזאָפּפֿער און זייערע גיסאָפּפֿער, צו די אָקסן, צו די
ווידערס, און צו די שעפּסן, לויט זייער צאָל אַזוי ווי זייער
דין. [34] און איין באָק אַ זינדאָפּפֿער. אַחוץ דעם שטענ־
דיקן בראַנדאָפּפֿער, זיין שפּייזאָפּפֿער, און זיין גיסאָפּפֿער.
[35] אויפֿן אַכטן טאָג זאָל זיין אַ הייליקע אײַנזאַמלונג
בײַ אײַך; קיין דינסטאַרבעט זאָלט איר ניט טאָן. [36] און
איר זאָלט מקריב זיין אַ בראַנדאָפּפֿער, אַ פֿייעראָפּפֿער
פֿאַר אַ געשמאַקן ריח צו גאָט: איין אָקס, איין ווידער,
זיבן שעפּסן יאָריקע, אָן אַ פֿעלער. [37] זייער שפּייזאָפּפֿער
און זייערע גיסאָפּפֿער, צו דעם אָקס, צו דעם ווידער,
און צו די שעפּסן, לויט זייער צאָל אַזוי ווי דער דין.

לב מנחתה ונסכיה: ס וביום השביעי פרים שבעה
אילם שנים כבשים בני־שנה ארבעה עשר תמימם:
לג ומנחתם ונסכהם לפרים לאילם ולכבשים במספרם
לד כמשפטם: ושעיר חטאת אחד מלבד עלת התמיד
מפ' מנחתה ונסכה: ס ביום השמיני עצרת תהיה לכם
לו כל־מלאכת עבדה לא תעשו: והקרבתם עלה אשה
ריח ניחח ליהוה פר אחד איל אחד כבשים בני־שנה
לז שבעה תמימם: מנחתם ונסכיהם לפר לאיל ולכבשים
לח במספרם כמשפט: ושעיר חטאת אחד מלבד עלת
לט התמיד ומנחתה ונסכה: אלה תעשו ליהוה במועדיכם
לבד מנדריכם ונדבתיכם לעלתיכם ולמנחתיכם
ולנסכיכם ולשלמיכם:

ל

א ויאמר משה אל־בני ישראל ככל אשר־צוה יהוה את־
משה: פ

[38] און איין באָק אַ זינדאָפּפֿער. אַחוץ דעם שטענדיקן בראַנדאָפּפֿער, און זיין שפּייזאָפּפֿער, און זיין גיסאָפּפֿער.
[39] דידאָזיקע זאָלט איר מאַכן צו גאָט אין אײַערע יום־טובים, אַחוץ אײַערע נדרים, און אײַערע פֿרייוויליקע גאָבן,
פֿון אײַערע בראַנדאָפּפֿער, און פֿון אײַערע שפּייזאָפּפֿער און פֿון אײַערע גיסאָפּפֿער, און פֿון אײַערע פֿרידאָפּפֿער.

ל [1] און משה האָט אָנגעזאָגט די קינדער פֿון ישראל, אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט משהן באַפֿוילן.

# מַטּוֹת

[2] און משה האָט גערעדט צו די הויפּטלייט פֿון די
שבטים פֿון די קינדער פֿון ישראל, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז
די זאַך וואָס גאָט האָט באַפֿוילן:
[3] אַז אַ מאַן וועט טאָן אַ נדר צו גאָט, אָדער שווערן
אַ שבועה, צו אַסרן אויף זיך אַן איסור, זאָל ער ניט פֿאַר־
שוועכן זיין וואָרט; אַזוי ווי אַלץ וואָס גייט אַרויס פֿון זיין
מויל, זאָל ער טאָן. [4] און אַז אַ ווייבספּאַרשוין וועט טאָן
אַ נדר צו גאָט, און וועט אַסרן אויף זיך אַן איסור, אין איר
פֿאָטערס הויז, אין איר יוגנט, [5] און איר פֿאָטער וועט הערן
איר נדר, אָדער איר איסור וואָס זי האָט געאַסרט אויף
זיך, און איר פֿאָטער וועט איר צושווייגן, זאָלן אַלע
אירע נדרים באַשטיין, און איטלעכער איסור וואָס זי האָט

ב וידבר משה אל־ראשי המטות לבני ישראל לאמר זה
ג הדבר אשר צוה יהוה: איש כי־ידר נדר ליהוה או־
השבע שבעה לאסר אסר על־נפשו לא יחל דברו ככל־
ד היצא מפיו יעשה: ואשה כי־תדר נדר ליהוה ואסרה
ה אסר בבית אביה בנעריה: ושמע אביה את־נדרה
ואסרה אשר אסרה על־נפשה והחריש לה אביה וקמו
ו כל־נדריה וכל־אסר אשר־אסרה על־נפשה יקום: ואם־
הניא אביה אתה ביום שמעו כל־נדריה ואסריה אשר־
אסרה על־נפשה לא יקום ויהוה יסלח־לה כי־הניא אביה
ז אתה: ואם־היו תהיה לאיש ונדריה עליה או מבטא
ח שפתיה אשר אסרה על־נפשה: ושמע אישה ביום שמעו

כט, לג׳ חסר יוד ל, ג׳ מלעיל

געאַסרט אויף זיך, זאָל באַשטיין. [6] אויב אָבער איר פֿאָטער האָט איר געוועהרט אין דעם טאָג וואָס ער האָט געהערט,
זאָלן אַלע אירע נדרים, און אירע איסורים וואָס זי האָט געאַסרט אויף זיך, ניט באַשטיין; און גאָט וועט איר פֿאַרגעבן,
ווייל איר פֿאָטער האָט איר געוועהרט. [7] און אויב זי וועט נעמען אַ מאַן, ווען אירע נדרים זיינען אויף איר, אָדער דער
אַרויסרעד פֿון אירע ליפּן, וואָס זי האָט געאַסרט אויף זיך, [8] און איר מאַן וועט הערן—אין וואָסער טאָג ער וועט הערן—

וְהֶחֱרִישׁ לָהּ וְקָמוּ נְדָרֶיהָ וֶאֱסָרָהּ אֲשֶׁר־אָסְרָה עַל־נַפְשָׁהּ
יָקֻמוּ׃ וְאִם בְּיוֹם שְׁמֹעַ אִישָׁהּ יָנִיא אוֹתָהּ וְהֵפֵר אֶת־נִדְרָהּ ט
אֲשֶׁר עָלֶיהָ וְאֵת מִבְטָא שְׂפָתֶיהָ אֲשֶׁר אָסְרָה עַל־נַפְשָׁהּ
וַיהוָה יִסְלַח־לָהּ׃ וְנֵדֶר אַלְמָנָה וּגְרוּשָׁה כֹּל אֲשֶׁר־אָסְרָה י
עַל־נַפְשָׁהּ יָקוּם עָלֶיהָ׃ וְאִם־בֵּית אִישָׁהּ נָדָרָה אוֹ־אָסְרָה יא
אִסָּר עַל־נַפְשָׁהּ בִּשְׁבֻעָה׃ וְשָׁמַע אִישָׁהּ וְהֶחֱרִשׁ לָהּ לֹא יב
הֵנִיא אֹתָהּ וְקָמוּ כָּל־נְדָרֶיהָ וְכָל־אִסָּר אֲשֶׁר־אָסְרָה עַל־
נַפְשָׁהּ יָקוּם׃ וְאִם־הָפֵר יָפֵר אֹתָם ׀ אִישָׁהּ בְּיוֹם שָׁמְעוֹ יג
כָּל־מוֹצָא שְׂפָתֶיהָ לִנְדָרֶיהָ וּלְאִסַּר נַפְשָׁהּ לֹא יָקוּם אִישָׁהּ
הֲפֵרָם וַיהוָה יִסְלַח־לָהּ׃ כָּל־נֵדֶר וְכָל־שְׁבֻעַת אִסָּר לְעַנֹּת יד
נָפֶשׁ אִישָׁהּ יְקִימֶנּוּ וְאִישָׁהּ יְפֵרֶנּוּ׃ וְאִם־הַחֲרֵשׁ יַחֲרִישׁ לָהּ טו
אִישָׁהּ מִיּוֹם אֶל־יוֹם וְהֵקִים אֶת־כָּל־נְדָרֶיהָ אוֹ אֶת־כָּל־
אֱסָרֶיהָ אֲשֶׁר עָלֶיהָ הֵקִים אֹתָם כִּי־הֶחֱרִשׁ לָהּ בְּיוֹם שָׁמְעוֹ׃
וְאִם־הָפֵר יָפֵר אֹתָם אַחֲרֵי שָׁמְעוֹ וְנָשָׂא אֶת־עֲוֺנָהּ׃ אֵלֶּה טז יז
הַחֻקִּים אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ בֵּין־
אָב לְבִתּוֹ בִּנְעֻרֶיהָ בֵּית אָבִיהָ׃ פ

## לא

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ נְקֹם נִקְמַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל שני ב
מֵאֵת הַמִּדְיָנִים אַחַר תֵּאָסֵף אֶל־עַמֶּיךָ׃ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל־ ג
הָעָם לֵאמֹר הֵחָלְצוּ מֵאִתְּכֶם אֲנָשִׁים לַצָּבָא וְיִהְיוּ עַל־
מִדְיָן לָתֵת נִקְמַת־יְהוָה בְּמִדְיָן׃ אֶלֶף לַמַּטֶּה אֶלֶף לַמַּטֶּה ד
לְכֹל מַטּוֹת יִשְׂרָאֵל תִּשְׁלְחוּ לַצָּבָא׃ וַיִּמָּסְרוּ מֵאַלְפֵי ה
יִשְׂרָאֵל אֶלֶף לַמַּטֶּה שְׁנֵים־עָשָׂר אֶלֶף חֲלוּצֵי צָבָא׃ וַיִּשְׁלַח ו
אֹתָם מֹשֶׁה אֶלֶף לַמַּטֶּה לַצָּבָא אֹתָם וְאֶת־פִּינְחָס בֶּן
אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן לַצָּבָא וּכְלֵי הַקֹּדֶשׁ וַחֲצֹצְרוֹת הַתְּרוּעָה
בְּיָדוֹ׃ וַיִּצְבְּאוּ עַל־מִדְיָן כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה ז
וַיַּהַרְגוּ כָּל־זָכָר׃ וְאֶת־מַלְכֵי מִדְיָן הָרְגוּ עַל־חַלְלֵיהֶם אֶת־ ח
אֱוִי וְאֶת־רֶקֶם וְאֶת־צוּר וְאֶת־חוּר וְאֶת־רֶבַע חֲמֵשֶׁת מַלְכֵי

און ער וועט איר צושווייגן, זאָלן באַשטיין אירע נדרים, און אירע איסורים וואָס זי האָט געאַסרט אויף זיך, זאָלן באַשטיין. [9] אויב אָבער איר מאַן וועט איר ווערן אין דעם טאָג וואָס ער הערט, זאָל ער פאַרשטערן איר נדר וואָס אויף איר, און דעם אַרויסרעד פון אירע ליפּן, וואָס זי האָט געאַסרט אויף זיך, און גאָט וועט איר פאַרגעבן. [10] אָבער דער נדר פון אַן אַלמנה און אַ גרושה, אַלץ וואָס זי האָט געאַסרט אויף זיך, זאָל באַשטיין פאַר איר. [11] און אויב [אַ פרוי] האָט אַ נדר געטאָן אין הויז פון איר מאַן, אָדער זי האָט געאַסרט אויף זיך אַן איסור דורך אַ שבועה, [12] און איר מאַן האָט געהערט, און האָט איר צו־געשוויגן, און איר ניט געוועדט, זאָלן אַלע אירע נדרים באַשטיין, און איטלעכער איסור וואָס זי האָט געאַסרט אויף זיך, זאָל באַשטיין. [13] אויב אָבער פאַרשטערן וועט זיי פאַרשטערן איר מאַן אין דעם טאָג וואָס ער הערט, זאָל קיין אַרויסלאָז פון אירע ליפּן, פון אירע נדרים, אָדער פון אַן איסור אויף זיך, ניט באַשטיין; איר מאַן האָט זיי פאַרשטערט, און גאָט וועט איר פאַרגעבן. [14] איט־לעכער נדר, און איטלעכער געשוואָרענער איסור, אויף צו פּייניקן די זעל, קען איר מאַן עס לאָזן באַשטיין, און איר מאַן קען עס פאַרשטערן. [15] אויב אָבער צושווייגן וועט איר צושווייגן איר מאַן אַ מעת־לעת, האָט ער געמאַכט באַשטייןּ אַלע אירע נדרים, אָדער אַלע אירע איסורים וואָס אויף איר; ער האָט זיי געמאַכט באַשטיין ווייל ער האָט איר צוגעשוויגן אין דעם טאָג וואָס ער האָט געהערט.

[16] און אויב פאַרשטערן וועט ער זיי פאַרשטערן לאַנג נאָך דעם ווי ער האָט געהערט, וועט ער טראָגן איר זינד.

[17] דאָס זיינען די געזעצן וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן, צווישן אַ מאַן און זיין ווייב, צווישן אַ פאָטער און זיין טאָכ־טער, אין איר יוגנט, אין איר פאָטערס הויז.

לא [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] זיי זיך נוקם די נקמה פון די קינדער פון ישראל אָן די מִדיָנים; דערנאָך וועסטו אײַנגעזאַמלט ווערן צו דיין פאָלק.

[3] האָט משה גערעדט צום פאָלק, אַזוי צו זאָגן: באַוואָפנט פון אייך מענער צום חיל, און זאָלן זיי גיין אויף מִדיָן אויס־צופירן די נקמה פון גאָט אויף מִדיָן. [4] צו טויזנט פון אַ שבט, צו טויזנט פון אַ שבט, פון אַלע שבטים פון ישראל, זאָלט איר שיקן אין חיל.

[5] זיינען צוגעשטעלט געוואָרן פון די טויזנטן פון ישראל צו טויזנט פון אַ שבט, צוועלף טויזנט באַוואָפנטע חיל.

[6] און משה האָט זיי געשיקט אין חיל צו טויזנט פון אַ שבט, זיי מיט פּינחס דעם זון פון אֶלעָזָר דעם כּהן, אין חיל, מיט די הייליקע כּלים און די שאַלטרומייטן אין זיין האַנט. [7] און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן אויף מִדיָן, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן, און זיי האָבן אויסגעהרגעט יעטוועדער מאַנספּאַרשוין. [8] אויך די מלכים פון מִדיָן האָבן זיי געהרגעט צווישן זייערע דערשלאָגענע: אֱוִי, און רֶקֶם, און צור, און חור, און רֶבַע, די פינף מלכים פון מִדיָן; אויך בִּלעָם דעם

ט מִדְיָן וְאֵת בִּלְעָם בֶּן־בְּעוֹר הָרְגוּ בֶּחָרֶב׃ וַיִּשְׁבּוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל אֶת־נְשֵׁי מִדְיָן וְאֶת־טַפָּם וְאֵת כָּל־בְּהֶמְתָּם וְאֶת־
י כָּל־מִקְנֵהֶם וְאֶת־כָּל־חֵילָם בָּזָזוּ׃ וְאֵת כָּל־עָרֵיהֶם
יא בְּמוֹשְׁבֹתָם וְאֵת כָּל־טִירֹתָם שָׂרְפוּ בָּאֵשׁ׃ וַיִּקְחוּ אֶת־כָּל־
יב הַשָּׁלָל וְאֵת כָּל־הַמַּלְקוֹחַ בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה׃ וַיָּבִאוּ אֶל־
מֹשֶׁה וְאֶל־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וְאֶל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַשְּׁבִי
וְאֶת־הַמַּלְקוֹחַ וְאֶת־הַשָּׁלָל אֶל־הַמַּחֲנֶה אֶל־עַרְבֹת מוֹאָב
שלי׳ (שני) אֲשֶׁר עַל־יַרְדֵּן יְרֵחוֹ׃ ס וַיֵּצְאוּ מֹשֶׁה וְאֶלְעָזָר הַכֹּהֵן
יד וְכָל־נְשִׂיאֵי הָעֵדָה לִקְרָאתָם אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה׃ וַיִּקְצֹף
מֹשֶׁה עַל פְּקוּדֵי הֶחָיִל שָׂרֵי הָאֲלָפִים וְשָׂרֵי הַמֵּאוֹת הַבָּאִים
טו מִצְּבָא הַמִּלְחָמָה׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם מֹשֶׁה הַחִיִּיתֶם כָּל־
טז נְקֵבָה׃ הֵן הֵנָּה הָיוּ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל בִּדְבַר בִּלְעָם לִמְסָר־
מַעַל בַּיהוָה עַל־דְּבַר פְּעוֹר וַתְּהִי הַמַּגֵּפָה בַּעֲדַת יְהוָה׃
יז וְעַתָּה הִרְגוּ כָל־זָכָר בַּטָּף וְכָל־אִשָּׁה יֹדַעַת אִישׁ לְמִשְׁכַּב
יח זָכָר הֲרֹגוּ׃ וְכֹל הַטַּף בַּנָּשִׁים אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּ מִשְׁכַּב זָכָר
יט הַחֲיוּ לָכֶם׃ וְאַתֶּם חֲנוּ מִחוּץ לַמַּחֲנֶה שִׁבְעַת יָמִים כֹּל
הֹרֵג נֶפֶשׁ וְכֹל ׀ נֹגֵעַ בֶּחָלָל תִּתְחַטְּאוּ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וּבַיּוֹם
כ הַשְּׁבִיעִי אַתֶּם וּשְׁבִיכֶם׃ וְכָל־בֶּגֶד וְכָל־כְּלִי־עוֹר וְכָל־
כא מַעֲשֵׂה עִזִּים וְכָל־כְּלִי־עֵץ תִּתְחַטָּאוּ׃ ס וַיֹּאמֶר אֶלְעָזָר
הַכֹּהֵן אֶל־אַנְשֵׁי הַצָּבָא הַבָּאִים לַמִּלְחָמָה זֹאת חֻקַּת הַתּוֹרָה
כב אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ אַךְ אֶת־הַזָּהָב וְאֶת־הַכָּסֶף
כג אֶת־הַנְּחֹשֶׁת אֶת־הַבַּרְזֶל אֶת־הַבְּדִיל וְאֶת־הָעֹפָרֶת׃ כָּל־
דָּבָר אֲשֶׁר־יָבֹא בָאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בָאֵשׁ וְטָהֵר אַךְ בְּמֵי נִדָּה
כד יִתְחַטָּא וְכֹל אֲשֶׁר לֹא־יָבֹא בָּאֵשׁ תַּעֲבִירוּ בַמָּיִם׃ וְכִבַּסְתֶּם
בִּגְדֵיכֶם בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וּטְהַרְתֶּם וְאַחַר תָּבֹאוּ אֶל־הַמַּחֲנֶה׃
רב׳ כו ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ שָׂא אֵת רֹאשׁ מַלְקוֹחַ
הַשְּׁבִי בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה אַתָּה וְאֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וְרָאשֵׁי אֲבוֹת
כז הָעֵדָה׃ וְחָצִיתָ אֶת־הַמַּלְקוֹחַ בֵּין תֹּפְשֵׂי הַמִּלְחָמָה

זון פון בְּעוֹרן האָבן זיי געהרגעט מיטן שווערד. 9 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געפאַנגען די ווייבער פון מִדְיָן, און זייערע קליינע קינדער; און אַלע זייערע בהמות, און אַלע זייערע פי, און זייער גאַנצן פאַרמעג, האָבן זיי אַוועקגערויבט. 10 און אַלע זייערע שטעט אין זייערע וווינערטער, און אַלע זייערע לאַגערדערפער, האָבן זיי פאַרברענט אין פייער. 11 און זיי האָבן גענומען דעם גאַנצן זאַקרויב, און דעם גאַנצן טרייברויב, פון מענטשן און פון בהמות, 12 און האָבן געבראַכט די געפאַנגענע און דעם טרייברויב און דעם זאַקרויב צו משהן און צו אֶלעָזָר דעם כּהן, און צו דער עדה פון די קינדער פון ישׂראל, אין לאַגער, אויף די פּלוינען פון מוֹאָב וואָס ביים יַרדן לעבן יריחו.

13 זיינען משה, און אֶלעָזָר דער כּהן, און אַלע פירשטן פון דער עדה, אַרויסגעגאַנגען זיי אַנטקעגן אויסן לאַגער. 14 און משה האָט געצערנט אויף די אויפגע־זעצטע איבערן חיל, די עלטסטע פון טויזנט, און די עלטסטע פון הונדערט, וואָס זיינען געקומען פון מלחמה־דינסט. 15 און משה האָט צו זיי געזאָגט: האָט איר געלאָזט לעבן אַלע ווייבספּאַרשוינען? 16 דאָס האָבן זיי דאָך, אויף דעם אָנרעד פון בִּלעָמען, געבראַכט די קינדער פון ישׂראל צו באַגיין אַ פעלשונג אָן גאָט, אין דער מעשׂה פון פְּעוֹר, און די מגפה איז געווען אויף דער עדה פון גאָט. 17 און אַצונד הרגעט יעטוועדער מאַנספּאַרשוין צווישן די קליינע קינדער, און הרגעט יעטוועדער ווייבס־פּאַרשוין וואָס ווייס פון אַ מאַן דורך ליגן מיט אַ מאַנס־פּאַרשוין. 18 און אַלע קינדער צווישן די ווייבספּאַרשוינען וואָס ווייסן ניט פון ליגן מיט אַ מאַנספּאַרשוין, זאָלט איר לאָזן לעבן פאַר אַייך. 19 און איר, לאַגערט אויסן לאַגער זיבן טעג; איטלעכער וואָס האָט געהרגעט אַ נפש, און איט־לעכער וואָס האָט זיך אָנגערירט אָן אַ דערשלאָגענעם, רייניקט אַייך אויפן דריטן טאָג און אויפן זיבעטן טאָג, איר און אַייערע געפאַנגענע. 20 און יעטוועדער בגד, און יעטוועדער זאַך פון פעל, און אַלץ וואָס איז געמאַכט פון ציגנהאָר, און יעטוועדער הילצערנע כּלי, זאָלט איר אַייך רייניקן.

21 און אֶלעָזָר דער כּהן האָט געזאָגט צו די חילס־לייט וואָס זיינען געגאַנגען אין מלחמה: דאָס איז דאָס געזעץ פון דער תּורה וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן: 22 אָבער דאָס גאָלד, און דאָס זילבער, דאָס קופּער, דאָס אַייזן, דאָס צין, און דאָס בליי, 23 אַלץ וואָס קען קומען אין פייער, זאָלט איר מאַכן דורכגיין דורך פייער, און עס וועט ווערן ריין; נאָר עס מוז גערייניקט ווערן מיט שפּרענגוואַסער. און אַלץ וואָס קען ניט קומען אין פייער, זאָלט איר מאַכן דורכגיין דורך וואַסער. 24 און איר זאָלט וואַשן אַייערע קליידער אויפן זיבעטן טאָג, און איר וועט ווערן ריין, און דערנאָך מעגט איר אַריינקומען אין לאַגער.

25 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 26 נעם אויף די צאָל פון דעם געפאַנגענעם טרייברויב, פון מענטשן און פון בהמות, דו און אֶלעָזָר דער כּהן, און די הויפּטלייט פון די פאָטערהייזער פון דער עדה. 27 און זאָלסט צע־טיילן דעם טרייברויב אין העלפט, צווישן די מלחמה־האַלטערס וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין חיל, און צווישן דער

כח הַיֹּצְאִים לַצָּבָא וּבֵין כָּל־הָעֵדָה׃ וַהֲרֵמֹתָ מֶכֶס לַיהוָה
מֵאֵת אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הַיֹּצְאִים לַצָּבָא אֶחָד נֶפֶשׁ מֵחֲמֵשׁ
הַמֵּאוֹת מִן־הָאָדָם וּמִן־הַבָּקָר וּמִן־הַחֲמֹרִים וּמִן־הַצֹּאן׃
כט מִמַּחֲצִיתָם תִּקָּחוּ וְנָתַתָּה לְאֶלְעָזָר הַכֹּהֵן תְּרוּמַת יְהוָה׃
ל וּמִמַּחֲצִת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל תִּקַּח ׀ אֶחָד ׀ אָחֻז מִן־הַחֲמִשִּׁים
מִן־הָאָדָם מִן־הַבָּקָר מִן־הַחֲמֹרִים וּמִן־הַצֹּאן מִכָּל־הַבְּהֵמָה
לא וְנָתַתָּה אֹתָם לַלְוִיִּם שֹׁמְרֵי מִשְׁמֶרֶת מִשְׁכַּן יְהוָה׃ וַיַּעַשׂ
לב מֹשֶׁה וְאֶלְעָזָר הַכֹּהֵן כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וַיְהִי
הַמַּלְקוֹחַ יֶתֶר הַבָּז אֲשֶׁר בָּזְזוּ עַם הַצָּבָא צֹאן שֵׁשׁ־מֵאוֹת
לג אֶלֶף וְשִׁבְעִים אֶלֶף וַחֲמֵשֶׁת אֲלָפִים׃ וּבָקָר שְׁנַיִם וְשִׁבְעִים
לד לה אָלֶף׃ וַחֲמֹרִים אֶחָד וְשִׁשִּׁים אָלֶף׃ וְנֶפֶשׁ אָדָם מִן־הַנָּשִׁים
אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּ מִשְׁכַּב זָכָר כָּל־נֶפֶשׁ שְׁנַיִם וּשְׁלֹשִׁים אָלֶף׃
לו וַתְּהִי הַמֶּחֱצָה חֵלֶק הַיֹּצְאִים בַּצָּבָא מִסְפַּר הַצֹּאן שְׁלֹשׁ־
מֵאוֹת אֶלֶף וּשְׁלֹשִׁים אֶלֶף וְשִׁבְעַת אֲלָפִים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת׃
לז וַיְהִי הַמֶּכֶס לַיהוָה מִן־הַצֹּאן שֵׁשׁ מֵאוֹת חָמֵשׁ וְשִׁבְעִים׃
לח וְהַבָּקָר שִׁשָּׁה וּשְׁלֹשִׁים אָלֶף וּמִכְסָם לַיהוָה שְׁנַיִם וְשִׁבְעִים׃
לט וַחֲמֹרִים שְׁלֹשִׁים אֶלֶף וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת וּמִכְסָם לַיהוָה אֶחָד
מ וְשִׁשִּׁים׃ וְנֶפֶשׁ אָדָם שִׁשָּׁה עָשָׂר אָלֶף וּמִכְסָם לַיהוָה
מא שְׁנַיִם וּשְׁלֹשִׁים נָפֶשׁ׃ וַיִּתֵּן מֹשֶׁה אֶת־מֶכֶס תְּרוּמַת יְהוָה
מב לְאֶלְעָזָר הַכֹּהֵן כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וּמִמַּחֲצִית
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר חָצָה מֹשֶׁה מִן־הָאֲנָשִׁים הַצֹּבְאִים׃
מג וַתְּהִי מֶחֱצַת הָעֵדָה מִן־הַצֹּאן שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף וּשְׁלֹשִׁים
מד אֶלֶף שִׁבְעַת אֲלָפִים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת׃ וּבָקָר שִׁשָּׁה וּשְׁלֹשִׁים
מה מו אָלֶף׃ וַחֲמֹרִים שְׁלֹשִׁים אֶלֶף וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת׃ וְנֶפֶשׁ אָדָם
מז שִׁשָּׁה עָשָׂר אָלֶף׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה מִמַּחֲצִת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־
הָאָחֻז אֶחָד מִן־הַחֲמִשִּׁים מִן־הָאָדָם וּמִן־הַבְּהֵמָה וַיִּתֵּן
אֹתָם לַלְוִיִּם שֹׁמְרֵי מִשְׁמֶרֶת מִשְׁכַּן יְהוָה כַּאֲשֶׁר צִוָּה
מח יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וַיִּקְרְבוּ אֶל־מֹשֶׁה הַפְּקֻדִים אֲשֶׁר לְאַלְפֵי

גאַנצער עדה. 28 און זאָלסט אָפּשיידן אַן אָפּגאָב צו גאָט פון די מלחמה־לייט וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין חיל; איין שטיק פון פינף הונדערט, פון די מענטשן, און פון די רינדער, און פון די אייזלען, און פון די שאָף. 29 פון זייער העלפט זאָלט איר עס נעמען; און זאָלסט עס געבן צו אֶלעָזָר דעם כהן, אַן אָפּשיידונג צו גאָט. 30 און פון דער העלפט פון די קינדער פון ישראל זאָלסטו נעמען איינס אַרויסגענומען פון פופציק, פון די מענטשן, פון די רינדער, פון די אייזלען, און פון די שאָף—פון אַלע בהמות; און זאָלסט זיי געבן צו די לוִיִים, וואָס היטן די היטונג פון דעם מִשכּן פון גאָט.

31 און משה און אֶלעָזָר דער כהן האָבן געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן. 32 און דער טרייבּרויב וואָס איז געבליבן נאָך דעם רויב וואָס דאָס חיל־פאָלק האָט גערויבט, איז געווען: שאָף, זעקס הונדערט טויזנט און זיבעציק טויזנט און פינף טויזנט; 33 און רינדער, צוויי און זיבעציק טויזנט; 34 און אייזלען, איין און זעכציק טויזנט; 35 און נפשות פון מענטשן, פון ווייבספּאַרשוינען וואָס האָבן ניט געוווּסט פון ליגן מיט אַ מאַנספּאַרשוין—אַלע נפשות, צוויי און דרייסיק טויזנט. 36 און אַ העלפט, דער חלק פון די וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען אין חיל—די צאָל פון די שאָף, איז געווען דריי הונדערט טויזנט און דרייסיק טויזנט און זיבן טויזנט און פינף הונדערט. 37 און די אָפּגאָב צו גאָט פון די שאָף איז געווען זעקס הונדערט און פינף און זיבעציק. 38 און די רינדער, זעקס און דרייסיק טויזנט; און די אָפּגאָב פון זיי צו גאָט, צוויי און זיבעציק. 39 און אייזלען, דרייסיק טויזנט און פינף הונדערט; און די אָפּגאָב פון זיי צו גאָט, איין און זעכציק. 40 און נפשות פון מענטשן, זעכצן טויזנט; און די אָפּגאָב פון זיי צו גאָט, צוויי און דרייסיק נפשות. 41 און משה האָט איבערגעגעבן די אָפּגאָב פון גאָטס אָפּשיידונג צו אֶלעָזָר דעם כהן, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן. 42 און פון דער העלפט פון די קינדער פון ישראל, וואָס משה האָט אַראָפּגענומען ביי די מענער וואָס זיינען געווען אין חיל— 43 און די העלפט פון דער עדה איז געווען: פון די שאָף, דריי הונדערט טויזנט און דרייסיק טויזנט און זיבן טויזנט און פינף הונדערט; 44 און רינדער, זעקס און דרייסיק טויזנט; 45 און אייזלען, דרייסיק טויזנט און פינף הונדערט; 46 און נפשות פון מענטשן, זעכצן טויזנט— 47 פון דער העלפט פון די קינדער פון ישראל האָט משה גענומען איינס אַרויסגענומען פון פופציק, פון די מענטשן, און פון די בהמות, און ער האָט זיי געגעבן צו די לוִיִים, וואָס היטן די היטונג פון דעם מִשכּן פון גאָט, אַזוי ווי גאָט האָט משהן באַפוילן.

48 און די אויפגעזעצטע וואָס איבער די טויזנטן פון חיל, די עלטסטע פון טויזנט, און די עלטסטע פון הונדערט,

מט הַצָּבָא שָׂרֵי הָאֲלָפִים וְשָׂרֵי הַמֵּאוֹת׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־מֹשֶׁה
עֲבָדֶיךָ נָשְׂאוּ אֶת־רֹאשׁ אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה אֲשֶׁר בְּיָדֵנוּ וְלֹא־
נ נִפְקַד מִמֶּנּוּ אִישׁ׃ וַנַּקְרֵב אֶת־קָרְבַּן יְהוָה אִישׁ אֲשֶׁר מָצָא
כְלִי־זָהָב אֶצְעָדָה וְצָמִיד טַבַּעַת עָגִיל וְכוּמָז לְכַפֵּר עַל־
נא נַפְשֹׁתֵינוּ לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה וְאֶלְעָזָר הַכֹּהֵן אֶת־הַזָּהָב
נב מֵאִתָּם כֹּל כְּלִי מַעֲשֶׂה׃ וַיְהִי ׀ כָּל־זְהַב הַתְּרוּמָה אֲשֶׁר
הֵרִימוּ לַיהוָה שִׁשָּׁה עָשָׂר אֶלֶף שְׁבַע־מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים שָׁקֶל
נג מֵאֵת שָׂרֵי הָאֲלָפִים וּמֵאֵת שָׂרֵי הַמֵּאוֹת׃ אַנְשֵׁי הַצָּבָא
נד בָּזְזוּ אִישׁ לוֹ׃ וַיִּקַּח מֹשֶׁה וְאֶלְעָזָר הַכֹּהֵן אֶת־הַזָּהָב מֵאֵת
שָׂרֵי הָאֲלָפִים וְהַמֵּאוֹת וַיָּבִאוּ אֹתוֹ אֶל־אֹהֶל מוֹעֵד זִכָּרוֹן
לִבְנֵי־יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי יְהוָה׃ פ

## לב

שׁשׁי (שׁלי) וּמִקְנֶה ׀ רַב הָיָה לִבְנֵי רְאוּבֵן וְלִבְנֵי־גָד עָצוּם מְאֹד וַיִּרְאוּ
אֶת־אֶרֶץ יַעְזֵר וְאֶת־אֶרֶץ גִּלְעָד וְהִנֵּה הַמָּקוֹם מְקוֹם מִקְנֶה׃
ב וַיָּבֹאוּ בְנֵי־גָד וּבְנֵי רְאוּבֵן וַיֹּאמְרוּ אֶל־מֹשֶׁה וְאֶל־אֶלְעָזָר
ג הַכֹּהֵן וְאֶל־נְשִׂיאֵי הָעֵדָה לֵאמֹר׃ עֲטָרוֹת וְדִיבֹן וְיַעְזֵר
ד וְנִמְרָה וְחֶשְׁבּוֹן וְאֶלְעָלֵה וּשְׂבָם וּנְבוֹ וּבְעֹן׃ הָאָרֶץ אֲשֶׁר
הִכָּה יְהוָה לִפְנֵי עֲדַת יִשְׂרָאֵל אֶרֶץ מִקְנֶה הִוא וְלַעֲבָדֶיךָ
ה מִקְנֶה׃ ס וַיֹּאמְרוּ אִם־מָצָאנוּ חֵן בְּעֵינֶיךָ יֻתַּן אֶת־
הָאָרֶץ הַזֹּאת לַעֲבָדֶיךָ לַאֲחֻזָּה אַל־תַּעֲבִרֵנוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן׃
ו וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה לִבְנֵי־גָד וְלִבְנֵי רְאוּבֵן הַאַחֵיכֶם יָבֹאוּ לַמִּלְחָמָה
ז וְאַתֶּם תֵּשְׁבוּ פֹה׃ וְלָמָּה תְנוּאוּן אֶת־לֵב בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
ח מֵעֲבֹר אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נָתַן לָהֶם יְהוָה׃ כֹּה עָשׂוּ אֲבֹתֵיכֶם
ט בְּשָׁלְחִי אֹתָם מִקָּדֵשׁ בַּרְנֵעַ לִרְאוֹת אֶת־הָאָרֶץ׃ וַיַּעֲלוּ
עַד־נַחַל אֶשְׁכּוֹל וַיִּרְאוּ אֶת־הָאָרֶץ וַיָּנִיאוּ אֶת־לֵב בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל לְבִלְתִּי־בֹא אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נָתַן לָהֶם יְהוָה׃
י יא וַיִּחַר־אַף יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא וַיִּשָּׁבַע לֵאמֹר׃ אִם־יִרְאוּ

לב, ז׳ תנואון קרי

האָבן געגעבט צו משהן; [49] און זיי האָבן געזאָגט צו משהן: דײַנע קנעכט האָבן אויפגענומען די צאָל פון די מלחמה־לײַט וואָס אונטער אונדזער האַנט, און קיינער פון אונדז איז ניט געמינערט געוואָרן. [50] האָבן מיר געבראַכט אַ מתּנה צו גאָט, איטלעכער וואָס ער האָט געפונען, גילדערנע זאַכן, אָרעמבענדער, און האַנטקייטלעך, פינגערלעך, אויריננגען, און האַלדזבענדער, מכפּר צו זײַן אויף אונדזער זעל פאַר גאָט.

[51] האָבן משה און אֶלעָזָר דער כּהן צוגענומען פון זיי דאָס גאָלד, אַלערליי אויסגעאַרבעטע זאַכן. [52] און דאָס גאַנצע גאָלד פון דער אָפּשיידונג וואָס זיי האָבן אָפּגעשיידט צו גאָט, איז געווען זעכצן טויזנט זיבן הונדערט און פופציק שֶקל, פון די עלטסטע פון טויזנט, און פון די עלטסטע פון הונדערט.—[53] די חיל־לײַט האָבן גערויבט איטלעכער פאַר זיך.—[54] און משה און אֶלעָזָר דער כּהן האָבן צוגענומען דאָס גאָלד פון די עלטסטע פון טויזנט און פון הונדערט, און האָבן עס געבראַכט אין אוהל־מועד, אַ דערמאָנונג אָן די קינדער פון ישׂראל פאַר גאָט.

## לב

[1] און די קינדער פון ראובן און די קינדער פון גָד האָבן געהאַט פיל פי, זייער אַ סך, און זיי האָבן געזען דאָס לאַנד יַעְזֵר און דאָס לאַנד גִלעָד, ערשט דער אָרט איז אַן אָרט פאַר פי. [2] זײַנען די קינדער פון גָד און די קינדער פון ראובן געקומען, און זיי האָבן געזאָגט צו משהן, און צו אֶלעָזָר דעם כּהן, און צו די פירשטן פון דער עדה, אַזוי צו זאָגן: [3] עֲטָרוֹת, און דיבון, און יַעְזֵר, און נִמְרָה, און חֶשבּון, און אֶלעָלֵה, און שְׂבָם, און נְבוֹ, און בְּעוֹן, [4] דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט געשלאָגן פאַר דער עדה פון ישׂראל, איז אַ לאַנד פאַר פי, און דײַנע קנעכט האָבן פי. [5] און זיי האָבן געזאָגט: אויב מיר האָבן געפונען לײַטזעליקייט אין דײַנע אויגן, זאָל דאָס דאָזיקע לאַנד געגעבן ווערן דײַנע קנעכט צום אייגנטום; זאָלסט אונדז ניט אַריבערפירן דעם יַרדן.

[6] האָט משה געזאָגט צו די קינדער פון גָד און צו די קינדער פון ראובן: אײַערע ברידער זאָלן גיין אין מלחמה, און איר זאָלט זיצן דאָ? [7] און פאַרוואָס זאָלט איר אָפּקערן דאָס האַרץ פון די קינדער פון ישׂראל פון אַריבערצוגיין אין דעם לאַנד וואָס גאָט האָט זיי געגעבן? [8] אַזוי האָבן געטאָן אײַערע עלטערן, ווען איך האָב זיי געשיקט פון קָדֵש־בַּרנֵעַ אָנצוקוקן דאָס לאַנד. [9] וואָרום זיי זײַנען אַרויפגעגאַנגען ביזן טאָל אֶשכּול, און האָבן אָנגעקוקט דאָס לאַנד, און זיי האָבן אָפּגעקערט דאָס האַרץ פון די קינדער פון ישׂראל, ניט צו גיין אין דעם לאַנד, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן. [10] און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אין יענעם טאָג, און ער האָט געשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: [11] אויב די מענטשן וואָס זײַנען אַרויפ־

הָאֲנָשִׁים הָעֹלִים מִמִּצְרַיִם מִבֶּן עֶשְׂרִים שָׁנָה וָמַעְלָה אֵת
הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב כִּי לֹא־
מִלְאוּ אַחֲרָי׃ בִּלְתִּי כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה הַקְּנִזִּי וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן יב
כִּי מִלְאוּ אַחֲרֵי יְהוָה׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה בְּיִשְׂרָאֵל וַיְנִעֵם יג
בַּמִּדְבָּר אַרְבָּעִים שָׁנָה עַד־תֹּם כָּל־הַדּוֹר הָעֹשֶׂה הָרַע
בְּעֵינֵי יְהוָה׃ וְהִנֵּה קַמְתֶּם תַּחַת אֲבֹתֵיכֶם תַּרְבּוּת אֲנָשִׁים יד
חַטָּאִים לִסְפּוֹת עוֹד עַל חֲרוֹן אַף־יְהוָה אֶל־יִשְׂרָאֵל׃ כִּי טו
תְשׁוּבֻן מֵאַחֲרָיו וְיָסַף עוֹד לְהַנִּיחוֹ בַּמִּדְבָּר וְשִׁחַתֶּם לְכָל־
הָעָם הַזֶּה׃ ס וַיִּגְּשׁוּ אֵלָיו וַיֹּאמְרוּ גִּדְרֹת צֹאן נִבְנֶה טז
לְמִקְנֵנוּ פֹּה וְעָרִים לְטַפֵּנוּ׃ וַאֲנַחְנוּ נֵחָלֵץ חֻשִׁים לִפְנֵי יז
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַד אֲשֶׁר אִם־הֲבִיאֹנֻם אֶל־מְקוֹמָם וְיָשַׁב
טַפֵּנוּ בְּעָרֵי הַמִּבְצָר מִפְּנֵי יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ לֹא נָשׁוּב אֶל־ יח
בָּתֵּינוּ עַד הִתְנַחֵל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ נַחֲלָתוֹ׃ כִּי לֹא נִנְחַל יט
אִתָּם מֵעֵבֶר לַיַּרְדֵּן וָהָלְאָה כִּי בָאָה נַחֲלָתֵנוּ אֵלֵינוּ מֵעֵבֶר
הַיַּרְדֵּן מִזְרָחָה׃ פ
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם מֹשֶׁה אִם־תַּעֲשׂוּן אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה אִם־ שב׳ (רב׳)
תֵּחָלְצוּ לִפְנֵי יְהוָה לַמִּלְחָמָה׃ וְעָבַר לָכֶם כָּל־חָלוּץ אֶת־ כא
הַיַּרְדֵּן לִפְנֵי יְהוָה עַד הוֹרִישׁוֹ אֶת־אֹיְבָיו מִפָּנָיו׃ וְנִכְבְּשָׁה כב
הָאָרֶץ לִפְנֵי יְהוָה וְאַחַר תָּשֻׁבוּ וִהְיִיתֶם נְקִיִּם מֵיְהוָה
וּמִיִּשְׂרָאֵל וְהָיְתָה הָאָרֶץ הַזֹּאת לָכֶם לַאֲחֻזָּה לִפְנֵי יְהוָה׃
וְאִם־לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן הִנֵּה חֲטָאתֶם לַיהוָה וּדְעוּ חַטַּאתְכֶם כג
אֲשֶׁר תִּמְצָא אֶתְכֶם׃ בְּנוּ־לָכֶם עָרִים לְטַפְּכֶם וּגְדֵרֹת כד
לְצֹנַאֲכֶם וְהַיֹּצֵא מִפִּיכֶם תַּעֲשׂוּ׃ וַיֹּאמֶר בְּנֵי־גָד וּבְנֵי כה
רְאוּבֵן אֶל־מֹשֶׁה לֵאמֹר עֲבָדֶיךָ יַעֲשׂוּ כַּאֲשֶׁר אֲדֹנִי מְצַוֶּה׃
טַפֵּנוּ נָשֵׁינוּ מִקְנֵנוּ וְכָל־בְּהֶמְתֵּנוּ יִהְיוּ־שָׁם בְּעָרֵי הַגִּלְעָד׃ כו
וַעֲבָדֶיךָ יַעַבְרוּ כָּל־חֲלוּץ צָבָא לִפְנֵי יְהוָה לַמִּלְחָמָה כז
כַּאֲשֶׁר אֲדֹנִי דֹּבֵר׃ וַיְצַו לָהֶם מֹשֶׁה אֵת אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן כח

---

כה׳ סבירין ויאמרו

געגאַנגען פון מִצרַיִם, פון צוואַנציק יאָר אַלט און העכער, וועלן אָנזען די ערד, וואָס איך האָב צוגעשוואָרן צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן! ווייל זיי זיינען ניט געגאַנגען געטריי נאָך מיר. [12] אַחוץ כָּלֵב דער זון פון יפוּנֶהן, דער קנִזי, און יהושֻעַ דער זון פון נון, ווייל זיי זיינען געגאַנגען געטריי נאָך גאָט. [13] און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף ישׂראל, און ער האָט זיי געמאַכט וואָגלען אין דער מדבר פערציק יאָר, ביז דער גאַנצער דור וואָס האָט געטאָן דאָס שלעכטס אין די אויגן פון גאָט, איז פאַרלענדט געוואָרן. [14] און אָט זייט איר אויפגע־שטאַנען אויף דעם אָרט פון אײַערע עלטערן, אַ געזינדל פון זינדיקע מענטשן, נאָך צוצולייגן צו דעם גרימצאָרן פון גאָט אויף ישׂראל. [15] וואָרום אַז איר קערט זיך אָפּ פון הינטער אים, וועט ער זיי ווידער לאָזן אין דער מדבר, און איר וועט אומברענגען דאָסדאָזיקע גאַנצע פאָלק.

[16] האָבן זיי גענענט צו אים, און האָבן געזאָגט: שאָפּ־געהעפטן פאַר אונדזער פי וועלן מיר דאָ בויען, און שטעט פאַר אונדזערע קליינע קינדער. [17] אָבער מיר אַליין וועלן זיין גרייט באַוואָפנט פאַרויס פאַר די קינדער פון ישׂראל, ביז וואַנען מיר האָבן זיי געבראַכט אויף זייער אָרט; און אונדזערע קליינע קינדער וועלן זיצן אין די באַפעסטיקטע שטעט פון וועגן די באַוווינער פון לאַנד. [18] מיר וועלן זיך ניט אומקערן אין אונדזערע הייזער, ביז די קינדער פון ישׂראל אַרבן איטלעכער זיין אַרבונג. [19] וואָרום מיר וועלן ניט אַרבן מיט זיי אויף יענער זייט יַרדן און ווייטער, ווייל אונדז איז אָנגעקומען אונדזער אַרבונג אויף דער זייט יַרדן, צו מזרח.

[20] האָט משה צו זיי געזאָגט: אויב איר וועט טאָן דידאָזיקע זאַך, אויב איר וועט אײַך באַוואָפענען פאַר גאָט אָנגע־זיכט אויף מלחמה, [21] און אַלע באַוואָפנטע פון אײַך וועלן אַריבערגיין דעם יַרדן פאַר גאָט אָנגעזיכט, ביז ער פאַר־טרייבט זיינע פיינט פון פאַר אים, [22] און דאָס לאַנד וועט באַצוווּנגען ווערן פאַר גאָט אָנגעזיכט, און איר וועט זיך דער־נאָך אומקערן, וועט איר זיין ריין פאַר גאָט און פאַר ישׂראל, און דאָסדאָזיקע לאַנד וועט אײַך זיין צום אייגנטום פאַר גאָט. [23] אויב אָבער איר וועט אַזוי ניט טאָן, אַזוי האָט איר געזינדיקט פאַר גאָט, און זייט וויסן אײַער שטראָף וואָס וועט אײַך טרעפן. [24] בויט אײַך שטעט פאַר אײַערע קליינע קינדער, און געהעפטן פאַר אײַערע שאָף, אָבער וואָס איז אַרויס פון אײַער מויל זאָלט איר טאָן.

[25] האָבן די קינדער פון גָד און די קינדער פון ראובן געזאָגט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: דיינע קנעכט וועלן טאָן אַזוי ווי מיין האַר באַפעלט. [26] אונדזערע קליינע קינדער, אונדזערע ווייבער, אונדזער פי, און אַלע אונדזערע בהמות, וועלן זיין דאָרטן אין די שטעט פון גִלעָד; [27] אָבער דיינע קנעכט, איטלעכער באַוואָפנטער צום חיל, וועלן אַריבערגיין פאַר גאָטס אָנגעזיכט אויף מלחמה, אַזוי ווי מיין האַר רעדט.

[28] און משה האָט באַפוילן וועגן זיי אֶלעָזָר דעם כֹּהן, און יהושֻעַ דעם זון פון נון, און די הויפּטלייט פון

די פאָטערהייזער פון די שבטים פון די קינדער פון ישראל, 29 און משה האָט צו זיי געזאָגט: אויב די קינדער פון גָד און די קינדער פון ראובן, איטלעכער באַוואָפנ־טער אויף מלחמה, וועלן אַריבערגיין מיט אַייך דעם יַרדן פאַר גאָטס אָנגעזיכט, און דאָס לאַנד וועט באַצוווּנגען ווערן פאַר אַייער אָנגעזיכט, זאָלט איר זיי געבן דאָס לאַנד גִלעָד צום אייגנטום. 30 אויב אָבער זיי וועלן ניט אַריבערגיין באַוואָפנט מיט אַייך, זאָלן זיי קריגן אייגנטום צווישן אַייך אין לאַנד כּנַעַן.

31 האָבן זיך אָפּגערופן די קינדער פון גָד און די קינדער פון ראובן, אַזוי צו זאָגן: וואָס גאָט האָט גערעדט צו דיינע קנעכט, אַזוי וועלן מיר טאָן. 32 מיר וועלן אַריבערגיין באַוואָפנטע פאַר גאָטס געזיכט, אין לאַנד כּנַעַן, און דאָס אייגנטום פון אונדזער נחלה פון דעֶר זייט יַרדן זאָל בלייבן ביי אונדז.

33 און משה האָט זיי, די קינדער פון גָד און די קינ־דער פון ראובן און דעם האַלבן שבט פון מנשה דעם זון פון יוספן, געגעבן דאָס קיניגרייך פון סיחון דעם מלך פון אֱמורי, און דאָס קיניגרייך פון עוג דעם מלך פון בָּשָׁן, דאָס לאַנד לויט אירע שטעט מיט די געמאַרקן, די שטעט פון דעם לאַנד רונד אַרום. 34 און די קינדער פון גָד האָבן אָפּגעבויט דיבון, און עַטָרות, און עֲרוֹעֵר, 35 און עַטרות־שוֹפָן, און יַעְזֵר, און יָגבּהָה, 36 און בֵּית־נִמְרָה, און בֵּית־הָרָן; באַפעסטיקטע שטעט מיט געהעפטן פאַר שאָף.

37 און די קינדער פון ראובן האָבן אָפּגעבויט חֶשבּון, און אֶלעָלֵא, און קִריָתַיִם, 38 און נבו, און בַּעַל־מְעוֹן—מיט אומ־געביטענע נעמען—און שִׂבמָה; און זיי האָבן אָנגערופן מיט נעמען די שטעט וואָס זיי האָבן אָפּגעבויט. 39 און די קינדער פון מָכִיר דעם זון פון מנשהן זיינען געגאַנגען קיין גִלעָד, און זיי האָבן עס באַצוווּנגען, און האָבן פאַרטריבן דעם אֱמוֹרי וואָס דרינען. 40 און משה האָט געגעבן גִלעָד צו מָכִיר דעם זון פון מנשהן, און ער האָט זיך באַזעצט דרינען. 41 און יָאִיר דער זון פון מנשהן איז געגאַנגען און האָט באַצוווּנגען זייערע דערפער, און ער האָט זיי גערופן חַוּות־יָאִירא. 42 און נוֹבַח איז געגאַנגען און האָט באַצוווּנגען קְנָת מיט אירע טעכטערשטעט; און ער האָט זי גערופן נוֹבַח אויף זיין נאָמען.

וְאֶת יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן וְאֶת־רָאשֵׁי אֲבוֹת הַמַּטּוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃
כט וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֲלֵהֶם אִם־יַעַבְרוּ בְנֵי־גָד וּבְנֵי־רְאוּבֵן ׀ אִתְּכֶם
אֶת־הַיַּרְדֵּן כָּל־חָלוּץ לַמִּלְחָמָה לִפְנֵי יְהוָה וְנִכְבְּשָׁה הָאָרֶץ
ל לִפְנֵיכֶם וּנְתַתֶּם לָהֶם אֶת־אֶרֶץ הַגִּלְעָד לַאֲחֻזָּה׃ וְאִם־לֹא
לא יַעַבְרוּ חֲלוּצִים אִתְּכֶם וְנֹאחֲזוּ בְתֹכְכֶם בְּאֶרֶץ כְּנָעַן׃ וַיַּעֲנוּ
בְנֵי־גָד וּבְנֵי רְאוּבֵן לֵאמֹר אֵת אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֶל־
לב עֲבָדֶיךָ כֵּן נַעֲשֶׂה׃ נַחְנוּ נַעֲבֹר חֲלוּצִים לִפְנֵי יְהוָה אֶרֶץ
לג כְּנָעַן וְאִתָּנוּ אֲחֻזַּת נַחֲלָתֵנוּ מֵעֵבֶר לַיַּרְדֵּן׃ וַיִּתֵּן לָהֶם ׀ מֹשֶׁה
לִבְנֵי־גָד וְלִבְנֵי רְאוּבֵן וְלַחֲצִי ׀ שֵׁבֶט ׀ מְנַשֶּׁה בֶן־יוֹסֵף אֶת־
מַמְלֶכֶת סִיחֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי וְאֶת־מַמְלֶכֶת עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן
לד הָאָרֶץ לְעָרֶיהָ בִּגְבֻלֹת עָרֵי הָאָרֶץ סָבִיב׃ וַיִּבְנוּ בְנֵי־גָד
לה אֶת־דִּיבֹן וְאֶת־עֲטָרֹת וְאֵת עֲרֹעֵר׃ וְאֶת־עַטְרֹת שׁוֹפָן וְאֶת־
לו יַעְזֵר וְיָגְבְּהָה׃ וְאֶת־בֵּית נִמְרָה וְאֶת־בֵּית הָרָן עָרֵי מִבְצָר
לז וְגִדְרֹת צֹאן׃ וּבְנֵי רְאוּבֵן בָּנוּ אֶת־חֶשְׁבּוֹן וְאֶת־אֶלְעָלֵא
לח וְאֵת קִרְיָתָיִם׃ וְאֶת־נְבוֹ וְאֶת־בַּעַל מְעוֹן מוּסַבֹּת שֵׁם וְאֶת־
שִׂבְמָה וַיִּקְרְאוּ בְשֵׁמֹת אֶת־שְׁמוֹת הֶעָרִים אֲשֶׁר בָּנוּ׃
מפ׳ וַיֵּלְכוּ בְּנֵי מָכִיר בֶּן־מְנַשֶּׁה גִּלְעָדָה וַיִּלְכְּדֻהָ וַיּוֹרֶשׁ אֶת־
מ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר־בָּהּ׃ וַיִּתֵּן מֹשֶׁה אֶת־הַגִּלְעָד לְמָכִיר בֶּן־
מא מְנַשֶּׁה וַיֵּשֶׁב בָּהּ׃ וְיָאִיר בֶּן־מְנַשֶּׁה הָלַךְ וַיִּלְכֹּד אֶת־חַוֹּתֵיהֶם
מב וַיִּקְרָא אֶתְהֶן חַוֹּת יָאִיר׃ וְנֹבַח הָלַךְ וַיִּלְכֹּד אֶת־קְנָת וְאֶת־
בְּנֹתֶיהָ וַיִּקְרָא לָה נֹבַח בִּשְׁמוֹ׃ פ

# מַסְעֵי

## לג

לג 1 דאָס זיינען די ציאונגען פון די קינדער פון ישראל, וואָס זיינען אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מִצרַיִם לויט זייערע מחנות אונטער דער האַנט פון משהן און אַהרנען. 2 און משה האָט פאַרשריבן זייערע אַרויסגאַנגען אויף זיי־ערע ציאונגען לויט דעם מויל פון גאָט; און דאָס זיינען זייערע ציאונגען אין זייערע אַרויסגאַנגען:

3 זיי האָבן געצויגן פון רַעְמְסֵס אין ערשטן חודש, אין פופצנטן טאָג פון ערשטן חודש; אויף מאָרגן נאָכן קָרבּן

א אֵלֶּה מַסְעֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יָצְאוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לְצִבְאֹתָם
ב בְּיַד־מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן׃ וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֶת־מוֹצָאֵיהֶם לְמַסְעֵיהֶם
ג עַל־פִּי יְהוָה וְאֵלֶּה מַסְעֵיהֶם לְמוֹצָאֵיהֶם׃ וַיִּסְעוּ מֵרַעְמְסֵס
בַּחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן בַּחֲמִשָּׁה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן

לב, מב׳ ה רפה

א יָאירס דערפער.

מִמָּחֳרַת הַפֶּסַח יָצְאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּיָד רָמָה לְעֵינֵי כָּל־
ד מִצְרָיִם׃ וּמִצְרַיִם מְקַבְּרִים אֵת אֲשֶׁר הִכָּה יְהוָה בָּהֶם
ה כָּל־בְּכוֹר וּבֵאלֹהֵיהֶם עָשָׂה יְהוָה שְׁפָטִים׃ וַיִּסְעוּ בְנֵי־
ו יִשְׂרָאֵל מֵרַעְמְסֵס וַיַּחֲנוּ בְּסֻכֹּת׃ וַיִּסְעוּ מִסֻּכֹּת וַיַּחֲנוּ בְאֵתָם
ז אֲשֶׁר בִּקְצֵה הַמִּדְבָּר׃ וַיִּסְעוּ מֵאֵתָם וַיָּשָׁב עַל־פִּי הַחִירֹת
ח אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי בַּעַל צְפוֹן וַיַּחֲנוּ לִפְנֵי מִגְדֹּל׃ וַיִּסְעוּ מִפְּנֵי
הַחִירֹת וַיַּעַבְרוּ בְתוֹךְ־הַיָּם הַמִּדְבָּרָה וַיֵּלְכוּ דֶּרֶךְ שְׁלֹשֶׁת
ט יָמִים בְּמִדְבַּר אֵתָם וַיַּחֲנוּ בְּמָרָה׃ וַיִּסְעוּ מִמָּרָה וַיָּבֹאוּ
אֵילִמָה וּבְאֵילִם שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה עֵינֹת מַיִם וְשִׁבְעִים תְּמָרִים
י שני וַיַּחֲנוּ־שָׁם׃ וַיִּסְעוּ מֵאֵילִם וַיַּחֲנוּ עַל־יַם־סוּף׃ וַיִּסְעוּ מִיַּם־
יב סוּף וַיַּחֲנוּ בְּמִדְבַּר־סִין׃ וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר־סִין וַיַּחֲנוּ בְּדָפְקָה׃
יג יד וַיִּסְעוּ מִדָּפְקָה וַיַּחֲנוּ בְּאָלוּשׁ׃ וַיִּסְעוּ מֵאָלוּשׁ וַיַּחֲנוּ
טו בִּרְפִידִם וְלֹא־הָיָה שָׁם מַיִם לָעָם לִשְׁתּוֹת׃ וַיִּסְעוּ מֵרְפִידִם
טז וַיַּחֲנוּ בְּמִדְבַּר סִינָי׃ וַיִּסְעוּ מִמִּדְבַּר סִינָי וַיַּחֲנוּ בְּקִבְרֹת
יז יח הַתַּאֲוָה׃ וַיִּסְעוּ מִקִּבְרֹת הַתַּאֲוָה וַיַּחֲנוּ בַּחֲצֵרֹת׃ וַיִּסְעוּ
יט מֵחֲצֵרֹת וַיַּחֲנוּ בְּרִתְמָה׃ וַיִּסְעוּ מֵרִתְמָה וַיַּחֲנוּ בְּרִמֹּן פָּרֶץ׃
כ כא וַיִּסְעוּ מֵרִמֹּן פָּרֶץ וַיַּחֲנוּ בְּלִבְנָה׃ וַיִּסְעוּ מִלִּבְנָה וַיַּחֲנוּ
כב כג בְּרִסָּה׃ וַיִּסְעוּ מֵרִסָּה וַיַּחֲנוּ בִּקְהֵלָתָה׃ וַיִּסְעוּ מִקְּהֵלָתָה
כד וַיַּחֲנוּ בְּהַר־שָׁפֶר׃ וַיִּסְעוּ מֵהַר־שָׁפֶר וַיַּחֲנוּ בַּחֲרָדָה׃
כה כו וַיִּסְעוּ מֵחֲרָדָה וַיַּחֲנוּ בְּמַקְהֵלֹת׃ וַיִּסְעוּ מִמַּקְהֵלֹת וַיַּחֲנוּ
כז כח בְּתָחַת׃ וַיִּסְעוּ מִתָּחַת וַיַּחֲנוּ בְּתָרַח׃ וַיִּסְעוּ מִתָּרַח וַיַּחֲנוּ
כט ל בְּמִתְקָה׃ וַיִּסְעוּ מִמִּתְקָה וַיַּחֲנוּ בְּחַשְׁמֹנָה׃ וַיִּסְעוּ מֵחַשְׁמֹנָה
לא וַיַּחֲנוּ בְּמֹסֵרוֹת׃ וַיִּסְעוּ מִמֹּסֵרוֹת וַיַּחֲנוּ בִּבְנֵי יַעֲקָן׃
לב לג וַיִּסְעוּ מִבְּנֵי יַעֲקָן וַיַּחֲנוּ בְּחֹר הַגִּדְגָּד׃ וַיִּסְעוּ מֵחֹר הַגִּדְגָּד
לד וַיַּחֲנוּ בְּיָטְבָתָה׃ וַיִּסְעוּ מִיָּטְבָתָה וַיַּחֲנוּ בְּעַבְרֹנָה׃
לה לו וַיִּסְעוּ מֵעַבְרֹנָה וַיַּחֲנוּ בְּעֶצְיֹן גָּבֶר׃ וַיִּסְעוּ מֵעֶצְיֹן גָּבֶר
לז וַיַּחֲנוּ בְמִדְבַּר־צִן הִוא קָדֵשׁ׃ וַיִּסְעוּ מִקָּדֵשׁ וַיַּחֲנוּ בְּהֹר

ת׳ סבירין מפי

פֶּסח זיינען די קינדער פון ישראל אַרויסגעגאַנגען מיט אַ הויכער האַנט פאַר די אויגן פון גאַנץ מִצרַיִם, 4 בעת די מִצרים האָבן געהאַלטן אין באַגראָבן די וואָס גאָט האָט דערשלאָגן צווישן זיי—איטלעכן בכור; און אויך אויף זייערע געטער האָט גאָט געטאָן אַ משפט. 5 און די קינדער פון ישראל האָבן געצויגן פון רַעְמְסֵס, און גערוט אין סוכּות. 6 און זיי האָבן געצויגן פון סוכּות, און גערוט אין אֵתָם וואָס ביים עק מדבר. 7 און זיי האָבן געצויגן פון אֵתָם, און זיך אומגעקערט צו פּי־הַחירות וואָס פאַר בַּעַל־צפון, און גערוט פאַר מִגדול. 8 און זיי האָבן געצויגן פון פּני־החירות, און זיינען אַריבערגעגאַנגען דורכן ים צום מדבר; און זיי זיינען געגאַנגען דריי טעג וועגס אין מדבר אֵתָם, און האָבן גערוט אין מָרָה. 9 און זיי האָבן געצויגן פון מָרָה, און זיינען געקומען קיין אֵילִם; און אין אֵילִם זיינען געווען צוועלף קוואַלן וואַסער און זיבעציק טייטל־ביימער; און זיי האָבן דאָרטן גערוט. 10 און זיי האָבן געצויגן פון אֵילִם, און גערוט ביים ים־סוף. 11 און זיי האָבן געצויגן פון ים־סוף, און גערוט אין מדבר סין. 12 און זיי האָבן געצויגן פון מדבר סין און גערוט אין דָפקָה. 13 און זיי האָבן געצויגן פון דָפקָה, און גערוט אין אָלוש. 14 און זיי האָבן געצויגן פון אָלוש, און גערוט אין רפידים; און דאָרטן איז ניט געווען קיין וואַסער פאַרן פאָלק צום טרינקען. 15 און זיי האָבן געצויגן פון רפידים, און גערוט אין מדבר סיני. 16 און זיי האָבן געצויגן פון מדבר סיני, און גערוט אין קִברות־הַתַּאֲוָה. 17 און זיי האָבן געצויגן פון קִברות־הַתַּאֲוָה, און גערוט אין חֲצֵרות. 18 און זיי האָבן געצויגן פון חֲצֵרות, און גערוט אין רִתמָה. 19 און זיי האָבן געצויגן פון רִתמָה, און גערוט אין רִמון־פֶּרֶץ. 20 און זיי האָבן געצויגן פון רִמון־פֶּרֶץ, און גערוט אין לִבנָה. 21 און זיי האָבן געצויגן פון לִבנָה, און גערוט אין רִסָה. 22 און זיי האָבן געצויגן פון רִסָה, און גערוט אין קְהֵלָה. 23 און זיי האָבן געצויגן פון קְהֵלָה, און גערוט ביים באַרג שֶׁפֶר. 24 און זיי האָבן געצויגן פון באַרג שֶׁפֶר, און גערוט אין חֲרָדָה. 25 און זיי האָבן געצויגן פון חֲרָדָה, און גערוט אין מַקהֵלות. 26 און זיי האָבן געצויגן פון מַקהֵלות, און גערוט אין תַּחַת. 27 און זיי האָבן געצויגן פון תַּחַת, און גערוט אין תֶּרַח. 28 און זיי האָבן געצויגן פון תֶּרַח, און גערוט אין מִתקָה. 29 און זיי האָבן געצויגן פון מִתקָה, און גערוט אין חַשמונָה. 30 און זיי האָבן געצויגן פון חַשמונָה, און גערוט אין מוסֵרות. 31 און זיי האָבן געצויגן פון מוסֵרות, און גערוט אין בְּנֵי־יַעֲקָן. 32 און זיי האָבן געצויגן פון בְּנֵי־יַעֲקָן, און גערוט אין חור־הַגִדגָד. 33 און זיי האָבן געצויגן פון חור־הַגִדגָד, און גערוט אין יָטבָה. 34 און זיי האָבן געצויגן פון יָטבָה, און גערוט אין עַברונָה. 35 און זיי האָבן געצויגן פון עַברונָה, און גערוט אין עֶציון־גֶבֶר. 36 און זיי האָבן געצויגן פון עֶציון־גֶבֶר, און גערוט אין מדבר צִן, דאָס איז קָדֵש. 37 און זיי האָבן געצויגן פון קָדֵש, און גערוט ביים באַרג הור, אין עק פון לאַנד אֱדום.

[38] און אַהרן דער כֹּהן איז אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן באַרג הור, לויט דעם מויל פֿון גאָט, און ער איז דאָרטן געשטאָרבן, אין דעם פֿערציקסטן יאָר נאָכדעם ווי די קינדער פֿון ישׂראל זיינען אַרויסגעגאַנגען פֿון לאַנד מִצרַיִם, אין פֿינפֿטן חודש, אין ערשטן טאָג פֿון חודש. [39] און אַהרן איז געווען הונדערט און דריי און צוואַנציק יאָר אַלט, ווען ער איז געשטאָרבן אויפֿן באַרג הור. [40] און דער כּנַעֲני, דער מלך פֿון עֲרָד, וואָס איז געזעסן אין דָרום, אין לאַנד כּנַעַן, האָט געהערט וועגן דעם קומען פֿון די קינדער פֿון ישׂראל.

[41] און זיי האָבן געצויגן פֿון באַרג הור, און גערוט אין צַלמוֹנָה. [42] און זיי האָבן געצויגן פֿון צַלמוֹנָה, און גערוט אין פּוּנוֹן. [43] און זיי האָבן געצויגן פֿון פּוּנוֹן, און גערוט אין אובוֹת. [44] און זיי האָבן געצויגן פֿון אובוֹת, און גערוט אין עִיֵי־עֲבָרים, ביים געמאַרק פֿון מוֹאָב. [45] און זיי האָבן געצויגן פֿון עִיִים, און גערוט אין דִיבוֹן־גָד. [46] און זיי האָבן געצויגן פֿון דִיבוֹן־גָד, און גערוט אין עַלמוֹן־דִבלָתַיִם. [47] און זיי האָבן געצויגן פֿון עַלמוֹן־דִבלָתַיִם, און גערוט אין די בערג פֿון עֲבָרים, פֿאַר נבוֹ. [48] און זיי האָבן געצויגן פֿון די בערג פֿון עֲבָרים, און גערוט אין די פּלוינען פֿון מוֹאָב ביים יַרדן לעבן יריחוֹ. [49] און זיי האָבן גערוט ביים יַרדן, פֿון בֵּית־ישִימוֹת ביז אָבֵל־שִטים אין די פּלוינען פֿון מוֹאָב.

[50] און גאָט האָט גערעדט צו משהן אין די פּלוינען פֿון מוֹאָב ביים יַרדן לעבן יריחוֹ, אַזוי צו זאָגן: [51] רעד צו די קינדער פֿון ישׂראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

אַז איר גייט אַריבער דעם יַרדן קיין לאַנד כּנַעַן, [52] זאָלט איר פֿאַרטרייבן אַלע באַוווינער פֿון לאַנד פֿון פֿאַר אײַך, און איר זאָלט אונטערברענגען אַלע זייערע בילדער, און אַלע זייערע געגאָסענע געצן זאָלט איר אונטער־ברענגען, און אַלע זייערע בָּמוֹת זאָלט איר פֿאַרטיליקן. [53] און איר זאָלט פֿאַרנעמען דאָס לאַנד, און זיך באַזעצן דרינען, וואָרום אײַך האָב איך געגעבן דאָס לאַנד, עס צו אַרבן. [54] און איר זאָלט אַרבן דאָס לאַנד דורך גוֹרל, לויט אײַערע משפּחות; דעם מערערן זאָלט איר געבן מער נחלה, און דעם ווינציקערן זאָלסטו געבן ווינציקער נחלה. דאָרטן ווו זיין גוֹרל וועט אויספֿאַלן, זאָל געהערן צו אים; לויט אײַערע פֿאָטערשטאַמען זאָלט איר אײַך אַרבן.

[55] און אויב איר וועט ניט פֿאַרטרייבן פֿון פֿאַר אײַך די באַוווינער פֿון לאַנד, וועלן די וואָס איר וועט איבערלאָזן פֿון זיי, זיין פֿאַר דערנער אין אײַערע אויגן, און פֿאַר שטעכערס אין אײַערע זייטן, און זיי וועלן אײַך דריקן אין דעם לאַנד וואָס איר זיצט דרינען. [56] און עס וועט זיין, אַזוי ווי איך האָב געדאַכט צו טאָן צו זיי, וועל איך טאָן צו אײַך.

לד [1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [2] באַפֿעל די קינדער פֿון ישׂראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

לח ההר בקצה ארץ אדום: ויעל אהרן הכהן אל־הר
ההר על־פי יהוה וימת שם בשנת הארבעים לצאת
בני־ישראל מארץ מצרים בחדש החמישי באחד לחדש:
לט ואהרן בן־שלש ועשרים ומאת שנה במתו בהר ההר:
מ ס וישמע הכנעני מלך ערד והוא־ישב בנגב בארץ
מא כנען בבא בני ישראל: ויסעו מהר ההר ויחנו בצלמנה:
מב ויסעו מצלמנה ויחנו בפונן: מג ויסעו מפונן ויחנו באבת:
מד ויסעו מאבת ויחנו בעיי העברים בגבול מואב: מה ויסעו
מו מעיים ויחנו בדיבן גד: ויסעו מדיבן גד ויחנו בעלמן
מז דבלתימה: ויסעו מעלמן דבלתימה ויחנו בהרי העברים
מח לפני נבו: ויסעו מהרי העברים ויחנו בערבת מואב על
מט ירדן ירחו: ויחנו על־הירדן מבית הישמת עד אבל
של׳ (הס׳) השטים בערבת מואב: ס וידבר יהוה אל־משה
נא בערבת מואב על־ירדן ירחו לאמר: דבר אל־בני
ישראל ואמרת אלהם כי אתם עברים את־הירדן אל־
נב ארץ כנען: והורשתם את־כל־ישבי הארץ מפניכם
ואבדתם את כל־משכיתם ואת כל־צלמי מסכתם תאבדו
נג ואת כל־במותם תשמידו: והורשתם את־הארץ וישבתם־
נד בה כי לכם נתתי את־הארץ לרשת אתה: והתנחלתם
את־הארץ בגורל למשפחתיכם לרב תרבו את־נחלתו
ולמעט תמעיט את־נחלתו אל אשר־יצא לו שמה הגורל
נה לו יהיה למטות אבתיכם תתנחלו: ואם־לא תורישו
את־ישבי הארץ מפניכם והיה אשר תותירו מהם לשכים
בעיניכם ולצנינם בצדיכם וצררו אתכם על־הארץ אשר
נו אתם ישבים בה: והיה כאשר דמיתי לעשות להם
אעשה לכם: פ

לד

א ב וידבר יהוה אל־משה לאמר: צו את־בני ישראל

וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כִּי־אַתֶּם בָּאִים אֶל־הָאָרֶץ כְּנָעַן זֹאת הָאָרֶץ
ג אֲשֶׁר תִּפֹּל לָכֶם בְּנַחֲלָה אֶרֶץ כְּנַעַן לִגְבֻלֹתֶיהָ׃ וְהָיָה
לָכֶם פְּאַת־נֶגֶב מִמִּדְבַּר־צִן עַל־יְדֵי אֱדוֹם וְהָיָה לָכֶם
ד גְּבוּל נֶגֶב מִקְצֵה יָם־הַמֶּלַח קֵדְמָה׃ וְנָסַב לָכֶם הַגְּבוּל
מִנֶּגֶב לְמַעֲלֵה עַקְרַבִּים וְעָבַר צִנָה וְהָיָה תּוֹצְאֹתָיו מִנֶּגֶב
ה לְקָדֵשׁ בַּרְנֵעַ וְיָצָא חֲצַר־אַדָּר וְעָבַר עַצְמֹנָה׃ וְנָסַב
הַגְּבוּל מֵעַצְמוֹן נַחְלָה מִצְרָיִם וְהָיוּ תוֹצְאֹתָיו הַיָּמָּה׃
ו וּגְבוּל יָם וְהָיָה לָכֶם הַיָּם הַגָּדוֹל וּגְבוּל זֶה־יִהְיֶה לָכֶם
ז גְּבוּל יָם׃ וְזֶה־יִהְיֶה לָכֶם גְּבוּל צָפוֹן מִן־הַיָּם הַגָּדֹל
ח תְּתָאוּ לָכֶם הֹר הָהָר׃ מֵהֹר הָהָר תְּתָאוּ לְבֹא חֲמָת וְהָיוּ
ט תּוֹצְאֹת הַגְּבֻל צְדָדָה׃ וְיָצָא הַגְּבֻל זִפְרֹנָה וְהָיוּ תוֹצְאֹתָיו
י חֲצַר עֵינָן זֶה־יִהְיֶה לָכֶם גְּבוּל צָפוֹן׃ וְהִתְאַוִּיתֶם לָכֶם
יא לִגְבוּל קֵדְמָה מֵחֲצַר עֵינָן שְׁפָמָה׃ וְיָרַד הַגְּבֻל מִשְּׁפָם
הָרִבְלָה מִקֶּדֶם לָעָיִן וְיָרַד הַגְּבֻל וּמָחָה עַל־כֶּתֶף יָם־
יב כִּנֶּרֶת קֵדְמָה׃ וְיָרַד הַגְּבוּל הַיַּרְדֵּנָה וְהָיוּ תוֹצְאֹתָיו יָם
יג הַמֶּלַח זֹאת תִּהְיֶה לָכֶם הָאָרֶץ לִגְבֻלֹתֶיהָ סָבִיב׃ וַיְצַו
מֹשֶׁה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֹאת הָאָרֶץ אֲשֶׁר תִּתְנַחֲלוּ
אֹתָהּ בְּגוֹרָל אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה לָתֵת לְתִשְׁעַת הַמַּטּוֹת
יד וַחֲצִי הַמַּטֶּה׃ כִּי לָקְחוּ מַטֵּה בְנֵי הָרְאוּבֵנִי לְבֵית אֲבֹתָם
וּמַטֵּה בְנֵי־הַגָּדִי לְבֵית אֲבֹתָם וַחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה לָקְחוּ
טו נַחֲלָתָם׃ שְׁנֵי הַמַּטּוֹת וַחֲצִי הַמַּטֶּה לָקְחוּ נַחֲלָתָם מֵעֵבֶר
לְיַרְדֵּן יְרֵחוֹ קֵדְמָה מִזְרָחָה׃ פ
רב׳ (ששי) יז וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ אֵלֶּה שְׁמוֹת הָאֲנָשִׁים
אֲשֶׁר־יִנְחֲלוּ לָכֶם אֶת־הָאָרֶץ אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן׃
יח וְנָשִׂיא אֶחָד מִמַּטֶּה תִּקְחוּ לִנְחֹל אֶת־הָאָרֶץ׃
יט וְאֵלֶּה שְׁמוֹת הָאֲנָשִׁים לְמַטֵּה יְהוּדָה כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה׃
כ כא וּלְמַטֵּה בְּנֵי שִׁמְעוֹן שְׁמוּאֵל בֶּן־עַמִּיהוּד׃ לְמַטֵּה בִנְיָמִן

ד׳ והיו ק׳

אַז איר קומט קיין לאַנד כנען, זאָל דאָס זיין דאָס לאַנד וואָס וועט אײַך פאַלן פאַר אַ נחלה—דאָס לאַנד כנען לויט אירע געמאַרקן: 3 די דָרום־זייט זאָל אײַך זיין פון מדבר צִן לעבן אֶדום, און דער געמאַרק פון דָרום זאָל אײַך זיין פון עק יַם־הַמֶלַח, צו מזרח. 4 און דער געמאַרק זאָל זיך אויסדרייען בײַ אײַך צו דָרום פון דעם אויפגאַנג פון עַקרַבים, און אַריבערגיין קיין צִן; און זיין אויסלאָז זאָל זיין אין דָרום פון קָדֵש־בַּרנֵעַ; און ער זאָל אַרויסגיין צו חֲצַר־אַדָר, און אַריבערגיין ביז עַצמון. 5 און דער געמאַרק זאָל זיך אויסדרייען פון עַצמון צום טײַך פון מִצרַיִם; און זיין אויסלאָז זאָל זיין בײַם ים. 6 און דער געמאַרק פון מערב זאָל אײַך זיין דער יַם־הַגָדול מיטן ברעג; דאָס זאָל אײַך זיין דער געמאַרק פון מערב. 7 און דאָס זאָל אײַך זיין דער געמאַרק פון צפון: פון יַם־הַגָדול זאָלט איר אײַך צייכענען ביז דעם באַרג הור. 8 פון באַרג הור זאָלט איר צייכענען ביז מע קומט קיין חֲמָת; (ששי) און דער אויסלאָז פון דעם געמאַרק זאָל זיין בײַ צְדָד. 9 און דער געמאַרק זאָל אַרויסגיין בײַ זִפרון, און זיין אויסלאָז זאָל זיין חֲצַר־עֵינָן. דאָס זאָל אײַך זיין דער געמאַרק פון צפון. 10 און איר זאָלט אײַך צייכענען פאַרן געמאַרק פון מזרח, פון חֲצַר־עֵינָן ביז שְפָם. 11 און דער געמאַרק זאָל אַראָפּנידערן פון שְפָם ביז רִבלָה, אין מזרח פון עַיִן; און דער געמאַרק זאָל אַראָפּנידערן און זיך אָנשטויסן אָן דעם באַרגרוקן פון ים כִּנֶרֶת, צו מזרח. 12 און דער געמאַרק זאָל אַראָפּנידערן צום יַרדן, און זיין אויסלאָז זאָל זיין דער יַם־הַמֶלַח. דאָס זאָל אײַך זיין דאָס לאַנד לויט אירע גע־מאַרקן רונד אַרום.

13 און משה האָט באַפוילן די קינדער פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז דאָס לאַנד וואָס איר זאָלט עס זיך אַרבן לויט גורל, וואָס גאָט האָט באַפוילן צו געבן צו די ניין שבטים און דעם האַלבן שבט. 14 וואָרום דער שבט פון די קינדער פון ראובן לויט זייערע פאָטערהייזער, און דער שבט פון די קינדער פון גָד לויט זייערע פאָטערהייזער, האָבן געקריגן, און האַלב שבט מנשה האָבן געקריגן, זייער נחלה. 15 די צוויי שבטים און דער האַלבער שבט האָבן געקריגן זייער נחלה פון דער זייט יַרדן לעבן יריחו, צו מזרח, צו זונאויפגאַנג.

16 און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 17 דאָס זיינען די נעמען פון די מענער וואָס זאָלן אַרבן פאַר אײַך דאָס לאַנד: אֶלעָזָר דער כהן, און יהושעַ דער זון פון נון. 18 און איר זאָלט נעמען צו איין פירשט, צו איין פירשט פון אַ שבט, צו אַרבן דאָס לאַנד. 19 און דאָס זיינען די נעמען פון די מענער: פאַר שבט יהודה, כָּלֵב דער זון פון יפונֶהן. 20 און פאַר דעם שבט פון די קינדער פון שמעון, שמואל דער זון פון עַמיהודן. 21 פאַר שבט בנימין, אֶלידָד דער זון

כב אֱלִידָד בֶּן־כִּסְלוֹן׃ וּלְמַטֵּה בְנֵי־דָן נָשִׂיא בֻּקִּי בֶּן־יָגְלִי׃
כג לִבְנֵי יוֹסֵף לְמַטֵּה בְנֵי־מְנַשֶּׁה נָשִׂיא חַנִּיאֵל בֶּן־אֵפֹד׃
כד כה וּלְמַטֵּה בְנֵי־אֶפְרַיִם נָשִׂיא קְמוּאֵל בֶּן־שִׁפְטָן׃ וּלְמַטֵּה
כו בְנֵי־זְבוּלֻן נָשִׂיא אֱלִיצָפָן בֶּן־פַּרְנָךְ׃ וּלְמַטֵּה בְנֵי־יִשָּׂשכָר
כז נָשִׂיא פַּלְטִיאֵל בֶּן־עַזָּן׃ וּלְמַטֵּה בְנֵי־אָשֵׁר נָשִׂיא אֲחִיהוּד
כח בֶּן־שְׁלֹמִי׃ וּלְמַטֵּה בְנֵי־נַפְתָּלִי נָשִׂיא פְּדַהְאֵל בֶּן־עַמִּיהוּד׃
כט אֵלֶּה אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה לְנַחֵל אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ כְּנָעַן׃ פ

## לה

חמ׳ וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בְּעַרְבֹת מוֹאָב עַל־יַרְדֵּן יְרֵחוֹ
ב לֵאמֹר׃ צַו אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְנָתְנוּ לַלְוִיִּם מִנַּחֲלַת אֲחֻזָּתָם
עָרִים לָשָׁבֶת וּמִגְרָשׁ לֶעָרִים סְבִיבֹתֵיהֶם תִּתְּנוּ לַלְוִיִּם׃
ג וְהָיוּ הֶעָרִים לָהֶם לָשָׁבֶת וּמִגְרְשֵׁיהֶם יִהְיוּ לִבְהֶמְתָּם
ד וְלִרְכֻשָׁם וּלְכֹל חַיָּתָם׃ וּמִגְרְשֵׁי הֶעָרִים אֲשֶׁר תִּתְּנוּ
ה לַלְוִיִּם מִקִּיר הָעִיר וָחוּצָה אֶלֶף אַמָּה סָבִיב׃ וּמַדֹּתֶם
מִחוּץ לָעִיר אֶת־פְּאַת־קֵדְמָה אַלְפַּיִם בָּאַמָּה וְאֶת־פְּאַת־נֶגֶב
אַלְפַּיִם בָּאַמָּה וְאֶת־פְּאַת־יָם ׀ אַלְפַּיִם בָּאַמָּה וְאֵת פְּאַת
צָפוֹן אַלְפַּיִם בָּאַמָּה וְהָעִיר בַּתָּוֶךְ זֶה יִהְיֶה לָהֶם מִגְרְשֵׁי
ו הֶעָרִים׃ וְאֵת הֶעָרִים אֲשֶׁר תִּתְּנוּ לַלְוִיִּם אֵת שֵׁשׁ־עָרֵי
הַמִּקְלָט אֲשֶׁר תִּתְּנוּ לָנֻס שָׁמָּה הָרֹצֵחַ וַעֲלֵיהֶם תִּתְּנוּ
ז אַרְבָּעִים וּשְׁתַּיִם עִיר׃ כָּל־הֶעָרִים אֲשֶׁר תִּתְּנוּ לַלְוִיִּם
ח אַרְבָּעִים וּשְׁמֹנֶה עִיר אֶתְהֶן וְאֶת־מִגְרְשֵׁיהֶן׃ וְהֶעָרִים
אֲשֶׁר תִּתְּנוּ מֵאֲחֻזַּת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל מֵאֵת הָרַב תַּרְבּוּ וּמֵאֵת
הַמְעַט תַּמְעִיטוּ אִישׁ כְּפִי נַחֲלָתוֹ אֲשֶׁר יִנְחָלוּ יִתֵּן
מֵעָרָיו לַלְוִיִּם׃ פ
ששי (שב׳) י וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה לֵּאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם כִּי אַתֶּם עֹבְרִים אֶת־הַיַּרְדֵּן אַרְצָה כְּנָעַן׃
יא וְהִקְרִיתֶם לָכֶם עָרִים עָרֵי מִקְלָט תִּהְיֶינָה לָכֶם וְנָס שָׁמָּה

ח׳ קמץ בז״ק

פון כּסלונען. [22] און פאַר דעם שבט פון די קינדער פון דָן, דער פירשט בוּקי דער זון פון יָגלין. [23] פאַר די קינדער פון יוסף: פאַר דעם שבט פון די קינדער פון מנשה, דער פירשט חַניאֵל דער זון פון אֵפודן; [24] און פאַר דעם שבט פון די קינדער פון אפרים, דער פירשט קמוּאֵל דער זון פון שִפטָנען. [25] און פאַר דעם שבט פון די קינדער פון זבולון, דער פירשט אֶליצָפָן דער זון פון פַּרנָכן. [26] און פאַר דעם שבט פון די קינדער פון יִששָׂכָר, דער פירשט פַּלטיאֵל דער זון פון עַזָנען. [27] און פאַר דעם שבט פון די קינדער פון אָשר, דער פירשט אֲחיהוּד דער זון פון שלומין, [28] און פאַר דעם שבט פון די קינדער פון נפתלי, דער פירשט פּדָהאֵל דער זון פון עַמיהודן. [29] דאָס זיינען די וועמען גאָט האָט באַפוילן צו מאַכן אַרבן די קינדער פון ישׂראל אין לאַנד כּנַען.

## לה

[1] און גאָט האָט גערעדט צו משהן אין די פּלוינען פון מוֹאָב בּיים יַרדן לעבן יריחו, אַזוי צו זאָגן: [2] באַפעל די קינדער פון ישׂראל, זיי זאָלן געבן די לוִיים פון דער נחלה פון זייער אייגנטום שטעט צום וווינען; און אַ פרייען פּלאַץ צו די שטעט רונד אַרום זיי זאָלט איר געבן די לוִיים. [3] און די שטעט וועלן זיין פאַר זיי צום וווינען, און זייערע פרייע פּלעצער וועלן זיין פאַר זייער פי, און פאַר זייער פאַרמעג, און פאַר אַלע זייערע בהמות. [4] און די פרייע פּלעצער פון די שטעט, וואָס איר וועט געבן די לוִיים דרויסן פון דער שטאָטמויער, זאָלן זיין טויזנט איילן רונד אַרום. [5] און איר זאָלט אָפּמעסטן אויסן שטאָט, מזרח־זייט צוויי טויזנט איילן, און דָרום־זייט צוויי טויזנט איילן, און מערב־זייט צוויי טויזנט איילן, און צפון־זייט צוויי טויזנט איילן, מיט דער שטאָט אין מיטן. דאָס זאָלן בּיי זיי זיין די פרייע פּלעצער פון די שטעט. [6] און די שטעט וואָס איר וועט געבן די לוִיים, זאָלן זיין די זעקס שטעט פון אַנטרינונג וואָס איר וועט געבן פאַר דעם טויטשלעגער צו אַנטלויפן אַהין; און צו זיי זאָלט איר צוגעבן צוויי און פערציק שטעט. [7] אַלע שטעט וואָס איר וועט געבן די לוִיים, זאָלן זיין אַכט און פערציק שטעט; זיי מיט זייערע פרייע פּלעצער. [8] און די שטעט וואָס איר וועט געבן פון דעם אייגנטום פון די קינדער פון ישׂראל, זאָלט איר פון דעם מערערן נעמען מער, און פון דעם ווינציקערן נעמען ווינציקער; איטלעכער לויט זיין אַרבונג וואָס ער אַרבט, זאָל געבן פון זיינע שטעט צו די לוִיים.

[9] און גאָט האָט גערעדט צו משהן, אַזוי צו זאָגן: [10] רעד צו די קינדער פון ישׂראל, און זאָלסט זאָגן צו זיי:

אַז איר גייט אַריבּער דעם יַרדן קיין לאַנד כּנַען, [11] זאָלט איר אייך באַשטימען שטעט וואָס זאָלן אייך זיין שטעט פון

רֹצֵחַ מַכֵּה־נֶפֶשׁ בִּשְׁגָגָה׃ וְהָיוּ לָכֶם הֶעָרִים לְמִקְלָט יב
מִגֹּאֵל וְלֹא יָמוּת הָרֹצֵחַ עַד־עָמְדוֹ לִפְנֵי הָעֵדָה לַמִּשְׁפָּט׃
וְהֶעָרִים אֲשֶׁר תִּתֵּנוּ שֵׁשׁ־עָרֵי מִקְלָט תִּהְיֶינָה לָכֶם׃ יג
אֵת ׀ שְׁלֹשׁ הֶעָרִים תִּתְּנוּ מֵעֵבֶר לַיַּרְדֵּן וְאֵת שְׁלֹשׁ הֶעָרִים יד
תִּתְּנוּ בְּאֶרֶץ כְּנָעַן עָרֵי מִקְלָט תִּהְיֶינָה׃ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל טו
וְלַגֵּר וְלַתּוֹשָׁב בְּתוֹכָם תִּהְיֶינָה שֵׁשׁ־הֶעָרִים הָאֵלֶּה לְמִקְלָט
לָנוּס שָׁמָּה כָּל־מַכֵּה־נֶפֶשׁ בִּשְׁגָגָה׃ וְאִם־בִּכְלִי בַרְזֶל ׀ טז
הִכָּהוּ וַיָּמֹת רֹצֵחַ הוּא מוֹת יוּמַת הָרֹצֵחַ׃ וְאִם בְּאֶבֶן יָד יז
אֲשֶׁר־יָמוּת בָּהּ הִכָּהוּ וַיָּמֹת רֹצֵחַ הוּא מוֹת יוּמַת הָרֹצֵחַ׃
אוֹ בִּכְלִי עֵץ־יָד אֲשֶׁר־יָמוּת בּוֹ הִכָּהוּ וַיָּמֹת רֹצֵחַ הוּא יח
מוֹת יוּמַת הָרֹצֵחַ׃ גֹּאֵל הַדָּם הוּא יָמִית אֶת־הָרֹצֵחַ יט
בְּפִגְעוֹ־בוֹ הוּא יְמִתֶנּוּ׃ וְאִם־בְּשִׂנְאָה יֶהְדָּפֶנּוּ אוֹ־הִשְׁלִיךְ כ
עָלָיו בִּצְדִיָּה וַיָּמֹת׃ אוֹ בְאֵיבָה הִכָּהוּ בְיָדוֹ וַיָּמֹת מוֹת־ כא
יוּמַת הַמַּכֶּה רֹצֵחַ הוּא גֹּאֵל הַדָּם יָמִית אֶת־הָרֹצֵחַ בְּפִגְעוֹ־
בוֹ׃ וְאִם־בְּפֶתַע בְּלֹא־אֵיבָה הֲדָפוֹ אוֹ־הִשְׁלִיךְ עָלָיו כָּל־ כב
כְּלִי בְּלֹא צְדִיָּה׃ אוֹ בְכָל־אֶבֶן אֲשֶׁר־יָמוּת בָּהּ בְּלֹא רְאוֹת כג
וַיַּפֵּל עָלָיו וַיָּמֹת וְהוּא לֹא־אוֹיֵב לוֹ וְלֹא מְבַקֵּשׁ רָעָתוֹ׃
וְשָׁפְטוּ הָעֵדָה בֵּין הַמַּכֶּה וּבֵין גֹּאֵל הַדָּם עַל הַמִּשְׁפָּטִים כד
הָאֵלֶּה׃ וְהִצִּילוּ הָעֵדָה אֶת־הָרֹצֵחַ מִיַּד גֹּאֵל הַדָּם וְהֵשִׁיבוּ כה
אֹתוֹ הָעֵדָה אֶל־עִיר מִקְלָטוֹ אֲשֶׁר־נָס שָׁמָּה וְיָשַׁב בָּהּ עַד־
מוֹת הַכֹּהֵן הַגָּדֹל אֲשֶׁר־מָשַׁח אֹתוֹ בְּשֶׁמֶן הַקֹּדֶשׁ׃ וְאִם־ כו
יָצֹא יֵצֵא הָרֹצֵחַ אֶת־גְּבוּל עִיר מִקְלָטוֹ אֲשֶׁר יָנוּס שָׁמָּה׃
וּמָצָא אֹתוֹ גֹּאֵל הַדָּם מִחוּץ לִגְבוּל עִיר מִקְלָטוֹ וְרָצַח כז
גֹּאֵל הַדָּם אֶת־הָרֹצֵחַ אֵין לוֹ דָּם׃ כִּי בְעִיר מִקְלָטוֹ יֵשֵׁב כח
עַד־מוֹת הַכֹּהֵן הַגָּדֹל וְאַחֲרֵי מוֹת הַכֹּהֵן הַגָּדֹל יָשׁוּב הָרֹצֵחַ
אֶל־אֶרֶץ אֲחֻזָּתוֹ׃ וְהָיוּ אֵלֶּה לָכֶם לְחֻקַּת מִשְׁפָּט לְדֹרֹתֵיכֶם כט
בְּכָל מוֹשְׁבֹתֵיכֶם׃ כָּל־מַכֵּה־נֶפֶשׁ לְפִי עֵדִים יִרְצַח אֶת־ ל
הָרֹצֵחַ וְעֵד אֶחָד לֹא־יַעֲנֶה בְנֶפֶשׁ לָמוּת׃ וְלֹא־תִקְחוּ כֹפֶר לא

אַנטרינונג, און אַהין זאָל אַנטלויפן דער טויטשלעגער וואָס דערשלאָגט אַ נפש דורך אַ פאַרזע. 12 און די שטעט זאָלן אײַך זײַן פאַר אַנטרינונג פון דעם בלוטמאָנער, און דער טויטשלעגער זאָל ניט שטאַרבן אײדער ער שטעלט זיך פאַר דער עדה צום משפט. 13 און די שטעט וואָס איר זאָלט געבן: זעקס שטעט פון אַנטרינונג זאָלן בײַ אײַך זײַן. 14 דרײַ שטעט זאָלט איר געבן פון דער זײַט ירדן, און דרײַ שטעט זאָלט איר געבן אין לאַנד כּנען; שטעט פון אַנטרינונג זאָלן זײ זײַן. 15 פאַר די קינדער פון ישׂראל, און פאַרן פרעמדן, און פאַרן אײנגעוואַנדערטן צווישן זײ, זאָלן זײַן די דאָזיקע זעקס שטעט פון אַנטרינונג, אויף צו אַנטלויפן אַהין פאַר איטלעכן וואָס דערשלאָגט אַ נפש דורך אַ פאַרזע. 16 אויב אָבער ער האָט אים דערשלאָגן מיט אַן אײַזערנער זאַך, און ער איז געשטאָרבן, איז ער אַ מערדער; טײטן זאָל געטײט ווערן דער מערדער. 17 און אויב ער האָט אים געשלאָגן מיט אַ שטײן אין האַנט, וואָס מע קען דערפון שטאַרבן, און ער איז געשטאָרבן, איז ער אַ מערדער; טײטן זאָל געטײט ווערן דער מערדער. 18 אָדער אַז ער האָט אים געשלאָגן מיט אַ הילצערנער זאַך אין האַנט, וואָס מע קען דערפון שטאַרבן, און ער איז געשטאָרבן, איז ער אַ מערדער; טײטן זאָל געטײט ווערן דער מערדער. 19 דער בלוטמאָנער, ער זאָל טײטן דעם מערדער; ווען ער טרעפט אים, זאָל ער אים טײטן. 20 און אויב ער האָט אים מיט שׂנאה אַ שטויס געטאָן, אָדער ער האָט געשלײדערט אויף אים עפּעס מיט אַ כּיוון, און ער איז געשטאָרבן, 21 אָדער ער האָט אים מיט פײַנטשאַפט געשלאָגן מיט זײַן האַנט, און ער איז געשטאָרבן, זאָל טײטן געטײט ווערן דער שלעגער; אַ מערדער איז ער; דער בלוטמאָנער זאָל טײטן דעם מערדער, ווען ער טרעפט אים. 22 אויב אָבער ער האָט אים אומגעריכט, אָן פײַנטשאַפט, אַ שטויס געטאָן, אָדער ער האָט געשלײדערט אויף אים עפּעס אַ זאַך אָן אַ כּיוון, 23 אָדער מיט עפּעס אַ שטײן וואָס מע קען דערפון שטאַרבן, האָט ער געוואָרפן אויף אים אומגעזען, און ער איז געשטאָרבן, און ער איז אים ניט געווען אַ שׂונא, און ניט אויסן געווען זײַן בײז, 24 זאָל די עדה משפטן צווישן דעם שלעגער און צווישן דעם בלוטמאָנער לויט די דאָזיקע געזעצן. 25 און די עדה זאָל מציל זײַן דעם טויטשלעגער פון דעם בלוטמאָנערס האַנט, און די עדה זאָל אים אומקערן צו זײַן שטאָט פון אַנטרינונג, וואָס ער איז אַהין אַנטלאָפן, און ער זאָל זיצן אין איר ביז דעם טויט פון כּהן־גדול וואָס מע האָט אים געזאַלבט מיטן הײליקן אײל. 26 אויב אָבער אַרויסגײן וועט אַרויסגײן דער טויטשלעגער פון דעם געמאַרק פון זײַן שטאָט פון אַנטרינונג, וואָס ער איז אַהין אַנטלאָפן, 27 און דער בלוטמאָנער וועט אים געפינען אויסער דעם געמאַרק פון זײַן שטאָט פון אַנטרינונג, און דער בלוטמאָנער וועט טײטן דעם טויטשלעגער, האָט ער אויף זיך ניט קײן בלוט. 28 וואָרום אין זײַן שטאָט פון אַנטרינונג מוז ער זיצן ביז דעם טויט פון כּהן־גדול, און ערשט נאָך דעם טויט פון כּהן־גדול מעג דער טויטשלעגער זיך אומקערן צו דעם לאַנד פון זײַן אײגנטום. 29 דאָס זאָל אײַך זײַן פאַר אַ רעכטגעזעץ אויף אײַערע דור־דורות אין אַלע אײַערע וווינערטער.

30 ווער נאָר עס דערשלאָגט אַ נפש, זאָל מען הרגען דעם מערדער לויט דעם מויל פון עדות; און אײן עדות קען ניט עדות־זאָגן אויף אַ מענטשן, ער זאָל שטאַרבן. 31 און איר זאָלט ניט אָננעמען אַן אויסלײז פאַר דעם נפש פון

לב לְנֶפֶשׁ רֹצֵחַ אֲשֶׁר־הוּא רָשָׁע לָמוּת כִּי־מוֹת יוּמָת׃ וְלֹא־
תִקְחוּ כֹפֶר לָנוּס אֶל־עִיר מִקְלָטוֹ לָשׁוּב לָשֶׁבֶת בָּאָרֶץ
לג עַד־מוֹת הַכֹּהֵן׃ וְלֹא־תַחֲנִיפוּ אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתֶּם בָּהּ
כִּי הַדָּם הוּא יַחֲנִיף אֶת־הָאָרֶץ וְלָאָרֶץ לֹא־יְכֻפַּר לַדָּם
לד אֲשֶׁר שֻׁפַּךְ־בָּהּ כִּי־אִם בְּדַם שֹׁפְכוֹ׃ וְלֹא תְטַמֵּא אֶת־
הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתֶּם יֹשְׁבִים בָּהּ אֲשֶׁר אֲנִי שֹׁכֵן בְּתוֹכָהּ כִּי
אֲנִי יְהוָה שֹׁכֵן בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ פ

לו

שב׳ וַיִּקְרְבוּ רָאשֵׁי הָאָבוֹת לְמִשְׁפַּחַת בְּנֵי־גִלְעָד בֶּן־מָכִיר בֶּן־
מְנַשֶּׁה מִמִּשְׁפְּחֹת בְּנֵי יוֹסֵף וַיְדַבְּרוּ לִפְנֵי מֹשֶׁה וְלִפְנֵי
ב הַנְּשִׂאִים רָאשֵׁי אָבוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמְרוּ אֶת־אֲדֹנִי
צִוָּה יְהוָה לָתֵת אֶת־הָאָרֶץ בְּנַחֲלָה בְּגוֹרָל לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל
וַאדֹנִי צֻוָּה בַיהוָה לָתֵת אֶת־נַחֲלַת צְלָפְחָד אָחִינוּ לִבְנֹתָיו׃
ג וְהָיוּ לְאֶחָד מִבְּנֵי שִׁבְטֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לְנָשִׁים וְנִגְרְעָה
נַחֲלָתָן מִנַּחֲלַת אֲבֹתֵינוּ וְנוֹסַף עַל נַחֲלַת הַמַּטֶּה אֲשֶׁר
ד תִּהְיֶינָה לָהֶם וּמִגֹּרַל נַחֲלָתֵנוּ יִגָּרֵעַ׃ וְאִם־יִהְיֶה הַיֹּבֵל
לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל וְנוֹסְפָה נַחֲלָתָן עַל נַחֲלַת הַמַּטֶּה אֲשֶׁר
ה תִּהְיֶינָה לָהֶם וּמִנַּחֲלַת מַטֵּה אֲבֹתֵינוּ יִגָּרַע נַחֲלָתָן׃ וַיְצַו
מֹשֶׁה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַל־פִּי יְהוָה לֵאמֹר כֵּן מַטֵּה בְנֵי־
ו יוֹסֵף דֹּבְרִים׃ זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לִבְנוֹת צְלָפְחָד
לֵאמֹר לַטּוֹב בְּעֵינֵיהֶם תִּהְיֶינָה לְנָשִׁים אַךְ לְמִשְׁפַּחַת
ז מַטֵּה אֲבִיהֶם תִּהְיֶינָה לְנָשִׁים׃ וְלֹא־תִסֹּב נַחֲלָה לִבְנֵי
יִשְׂרָאֵל מִמַּטֶּה אֶל־מַטֶּה כִּי אִישׁ בְּנַחֲלַת מַטֵּה אֲבֹתָיו
ח יִדְבְּקוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְכָל־בַּת יֹרֶשֶׁת נַחֲלָה מִמַּטּוֹת בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל לְאֶחָד מִמִּשְׁפַּחַת מַטֵּה אָבִיהָ תִּהְיֶה לְאִשָּׁה לְמַעַן
ט יִירְשׁוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אִישׁ נַחֲלַת אֲבֹתָיו׃ וְלֹא־תִסֹּב נַחֲלָה
מִמַּטֶּה לְמַטֶּה אַחֵר כִּי־אִישׁ בְּנַחֲלָתוֹ יִדְבְּקוּ מַטּוֹת בְּנֵי
י יִשְׂרָאֵל׃ כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ בְּנוֹת צְלָפְחָד׃

אַ מערדער וואָס איז פאַרשולדיקט צום טויט; נייערט טייטן מוז ער געטייט ווערן. 32 און איר זאָלט ניט אָננעמען אַן אויסלייז פון דעם וואָס איז אַנטלאָפן אין זיין שטאָט פון אַנטרינונג, אַז ער זאָל מעגן זיך אומקערן וווינען אין לאַנד פאַר דעם כהנס טויט. 33 און איר זאָלט ניט זינדיק מאַכן דאָס לאַנד וואָס איר זיצט דרינען, וואָרום בלוט דאָס מאַכט זינדיק דאָס לאַנד, און דעם לאַנד ווערט ניט פאַרגעבן פאַר דעם בלוט וואָס איז דרינען פאַרגאָסן געוואָרן, סיידן מיט דעם בלוט פון דעם וואָס האָט עס פאַרגאָסן. 34 און זאָלסט ניט פאַראומרייניקן דאָס לאַנד וואָס איר זיצט דרינען, וואָס איך רו אין דעם; וואָרום איך, יהוה, רו צווישן די קינדער פון ישׂראל.

לו 1 און די הויפּטלייט פון די פאָטערהייזער פון דער משפחה פון די קינדער פון גִלעָד, דעם זון פון מָכיר, דעם זון פון מנשהן, פון די משפחות פון די קינדער פון יוסף, האָבן גענענט, און האָבן גערעדט פאַר משהן, און פאַר די פירשטן, די הויפּטלייט פון די פאָטערהייזער פון די קינדער פון ישׂראל, 2 און זיי האָבן געזאָגט: גאָט האָט באַפוילן מיין האַר צו געבן דאָט לאַנד אין נחלה לויט גורל צו די קינדער פון ישׂראל, און מיין האַר איז באַפוילן געוואָרן פון גאָט צו געבן די נחלה פון אונדזער ברודער צלָפחָדן צו זיינע טעכטער. 3 און אַז זיי וועלן ווערן פאַר ווייבער צו איינעם פון די זין פון די שבטים פון די קינדער פון ישׂראל, וועט זייער נחלה געמינערט ווערן פון דער נחלה פון אונדזערע פאָטערס, און וועט צוגעלייגט ווערן צו דער נחלה פון דעם שבט וואָס זיי וועלן צו אים געהערן; אַזוי וועט געמינערט ווערן פון דעם גורל פון אונדזער נחלה. 4 אַפילו אַז יובל וועט זיין ביי די קינדער פון ישׂראל, וועט זייער נחלה בלייבן צוגע־לייגט צו דער נחלה פון דעם שבט וואָס זיי וועלן צו אים געהערן, און זייער נחלה וועט געמינערט ווערן פון דער נחלה פון אונדזערע פאָטערס.

5 האָט משה באַפוילן די קינדער פון ישׂראל לויט דעם מויל פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: גערעכט טענהט דער שבט פון די קינדער פון יוסף. 6 דאָס איז די זאַך וואָס גאָט האָט באַפוילן וועגן די טעכטער פון צלָפחָדן, אַזוי צו זאָגן: זיי מעגן ווערן פאַר ווייבער צו דעם וואָס וועט ווילגעפעלן אין זייערע אויגן, אָבער אין דער משפחה פון דעם שבט פון זייער פאָטער זאָלן זיי ווערן פאַר ווייבער. 7 כדי אַ נחלה פון די קינדער פון ישׂראל זאָל ניט איבערגיין פון שבט צו שבט; נייערט די קינדער פון ישׂראל זאָלן זיין באַהעפט איטלעכער אָן דער נחלה פון דעם שבט פון זיינע פאָטערס. 8 און יעט־וועדער טאָכטער פון די שבטים פון די קינדער פון ישׂראל, וואָס ירשעט אַ נחלה, מוז ווערן פאַר אַ ווייב צו איינעם פון דער משפחה פון איר פאָטערס שבט; כדי די קינדער פון ישׂראל זאָלן ירשען איטלעכער די נחלה פון זיינע פאָטערס. 9 און אַ נחלה זאָל ניט איבערגיין פון איין שבט צו אַן אַנדער שבט; נייערט די שבטים פון די קינדער פון ישׂראל זאָלן זיין באַהעפט איטלעכער אָן זיין נחלה.

10 אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן, אַזוי האָבן די טעכטער פון צלָפחָדן געטאָן. 11 און מַחלָה, תִרצָה, און

מפ׳ וַתִּהְיֶינָה מַחְלָה תִרְצָה וְחָגְלָה וּמִלְכָּה וְנֹעָה בְּנוֹת צְלָפְחָד
יב לִבְנֵי דֹדֵיהֶן לְנָשִׁים׃ מִמִּשְׁפְּחֹת בְּנֵי־מְנַשֶּׁה בֶן־יוֹסֵף הָיוּ
יג לְנָשִׁים וַתְּהִי נַחֲלָתָן עַל־מַטֵּה מִשְׁפַּחַת אֲבִיהֶן׃ אֵלֶּה
הַמִּצְוֹת וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה אֶל־בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל בְּעַרְבֹת מוֹאָב עַל יַרְדֵּן יְרֵחוֹ׃

חָגְלָה, און מִלְכָּה, און נוֹעָה, די טעכטער פון צְלָפְחָדן, זיינען געוואָרן פאַר ווייבער צו די זין פון זייערע פעטערס. [12] אין די משפחות פון די קינדער פון מנשה דעם זון פון יוספן זיינען זיי געוואָרן פאַר ווייבער, און זייער נחלה איז געבליבן אין דעם שבט פון זייער פאָטערס משפחה.

[13] דאָס זיינען די געבאָט און די געזעצן וואָס גאָט האָט געבאָטן די קינדער פון ישראל דורך משהן אין די פלוינען פון מואָב ביים ירדן לעבן יריחו.

# חזק

סכום פסוקי דספר במדבר אלף ומאתים ושמנים ושמנה. אֹרפח סימן: וחציו והיה האיש אשר אבחר בו מטהו יפרח: ופרשיותיו עשרה יי׳ בדד ינחנו סימן: וסדריו שנים ושלשים. לב טהור ברא לי אלהים סימן: ופרקיו ששה ושלשים. לו חכמו ישכילו זאת סימן: מניין הפתוחות שתים ותשעים. והסתומות ששים ושש. הכל מאה וחמשים ושמנה פרשיות. אני חלקך ונחלתך סימן:

# דְּבָרִים

א אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר
הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף בֵּין־פָּארָן וּבֵין־תֹּפֶל
וְלָבָן וַחֲצֵרֹת וְדִי זָהָב׃
ב אַחַד עָשָׂר יוֹם מֵחֹרֵב דֶּרֶךְ הַר־
שֵׂעִיר עַד קָדֵשׁ בַּרְנֵעַ׃
ג וַיְהִי בְּאַרְבָּעִים שָׁנָה בְּעַשְׁתֵּי־עָשָׂר
חֹדֶשׁ בְּאֶחָד לַחֹדֶשׁ דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל
אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֹתוֹ אֲלֵהֶם׃
ד אַחֲרֵי הַכֹּתוֹ אֵת סִיחֹן מֶלֶךְ
הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר יוֹשֵׁב בְּחֶשְׁבּוֹן וְאֵת עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן אֲשֶׁר־
יוֹשֵׁב בְּעַשְׁתָּרֹת בְּאֶדְרֶעִי׃
ה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בְּאֶרֶץ מוֹאָב
הוֹאִיל מֹשֶׁה בֵּאֵר אֶת־הַתּוֹרָה הַזֹּאת לֵאמֹר׃
ו יְהוָה
אֱלֹהֵינוּ דִּבֶּר אֵלֵינוּ בְּחֹרֵב לֵאמֹר רַב־לָכֶם שֶׁבֶת בָּהָר
הַזֶּה׃
ז פְּנוּ ׀ וּסְעוּ לָכֶם וּבֹאוּ הַר הָאֱמֹרִי וְאֶל־כָּל־שְׁכֵנָיו
בָּעֲרָבָה בָהָר וּבַשְּׁפֵלָה וּבַנֶּגֶב וּבְחוֹף הַיָּם אֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי
וְהַלְּבָנוֹן עַד־הַנָּהָר הַגָּדֹל נְהַר־פְּרָת׃
ח רְאֵה נָתַתִּי לִפְנֵיכֶם
אֶת־הָאָרֶץ בֹּאוּ וּרְשׁוּ אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה
לַאֲבֹתֵיכֶם לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב לָתֵת לָהֶם וּלְזַרְעָם
אַחֲרֵיהֶם׃
ט וָאֹמַר אֲלֵכֶם בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר לֹא־אוּכַל
לְבַדִּי שְׂאֵת אֶתְכֶם׃
י יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם הִרְבָּה אֶתְכֶם וְהִנְּכֶם
הַיּוֹם כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב׃
שני יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבוֹתֵכֶם יֹסֵף
עֲלֵיכֶם כָּכֶם אֶלֶף פְּעָמִים וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר

* צית די שיטין ספיות ויהרול מהולת שיטה תי

א 1 דאָס זיינען די ווערטער וואָס משה האָט גערעדט צו גאַנץ ישׂראל אויף יענער זייט יַרדן, אין מדבר, אין דעם פּלוין, אַקעגן סוף, צווישן פּאָרן און צווישן תּופֿל, און לָבָן, און חֲצֵרות, און די־זָהָב. — 2 עלף טעג איז פון חורֵב ביז קָדֵש־בַּרנֵעַ אויף דעם וועג פון באַרג שֵׂעִיר. — 3 און עס איז געווען אין פערציקסטן יאָר, אין עלפטן חודש, אין ערשטן טאָג פון חודש, האָט משה גערעדט צו די קינדער פון ישׂראל אַזוי ווי אַלץ וואָס גאָט האָט אים באַפוילן פאַר זיי; 4 נאָכדעם אַז ער האָט געשלאָגן סיחון דעם מלך פון אֱמוֹרי, וואָס איז געזעסן אין חֶשבּוֹן, און עוֹג דעם מלך פון בָּשָׁן, וואָס איז געזעסן אין עַשתָּרוֹת אין אֶדרֶעִי. 5 אויף יענער זייט יַרדן, אין לאַנד מוֹאָב, האָט משה גענומען באַשיידן דידאָזיקע תּוֹרה, אַזוי צו זאָגן:

6 יהוה אונדזער גאָט האָט גערעדט צו אונדז אין חורֵב, אַזוי צו זאָגן: גענוג אַייך זיצן אויף דעמדאָזיקן באַרג; 7 פאַרקערט זיך און ציט אַייך אַוועק, און גייט צו דעם געבערג פון אֱמוֹרי, און צו אַלע זיינע שכנים, אין דעם פּלוין, אין דעם געבערג, און אין דער נידערונג, און אין דָרום, און ביים באָרטן פון ים, אין לאַנד פון דעם כּנַעֲנִי, און צום לבָנוֹן, ביזן גרויסן טייך, דעם טייך פּרָת. 8 זעט, איך האָב איבערגעגעבן דאָס לאַנד צו אַייך; גייט און אַרבט דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט געשוואָרן צו אַייערע עלטערן, צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן, צו געבן זיי און זייער זאָמען נאָך זיי.

9 און איך האָב געזאָגט צו אַייך אין יענער צייט, אַזוי צו זאָגן: איך אַליין קען אַייך ניט טראָגן. 10 יהוה אַייער גאָט האָט אַייך געמערט, און אָט זייט איר אַזוי ווי די שטערן פון הימל אין פילקייט — 11 זאָל יהוה דער גאָט פון אַייערע עלטערן אַייך מערן טויזנט מאָל אַזוי פיל ווי איר זייט, און אַייך בענטשן אַזוי ווי ער האָט

אײַך צוגעזאָגט!—[12] װי קען איך אַלײן טראָגן אײַער שװער־קײט און אײַער לאַסט און אײַער קריגערײַ? [13] קריגט אײַך קלוגע און פאַרשטאַנדיקע און געניטע לײַט, לױט אײַערע שבטים, און איך װעל זײ מאַכן פאַר אײַערע הױפּטלײַט. [14] האָט איר מיר געענטפערט און געזאָגט: גוט איז די זאַך װאָס דו האָסט געהײסן טאָן. [15] און איך האָב גענומען די קעפּ פון אײַערע שבטים, קלוגע און גע־ניטע לײַט, און איך האָב זײ געמאַכט פאַר הױפּטלײַט איבער אײַך, פאַר עלטסטע פון טױזנט, און עלטסטע פון הונדערט, און עלטסטע פון פופציק, און עלטסטע פון צען, און אױפזעער, לױט אײַערע שבטים. [16] און איך האָב באַפױלן אײַערע ריכטער אין יענער צײַט, אַזױ צו זאָגן: הערט אױס צװישן אײַערע ברידער, און איר זאָלט משפּטן גערעכט צװישן איטלעכן און צװישן זײַן ברודער, אָדער דעם פרעמדן װאָס בײַ אים. [17] איר זאָלט ניט דערקענען קײן פּנים אין אַ משפּט; דעם קלענסטן אַזױ װי דעם גרעסטן זאָלט איר אױסהערן; איר זאָלט זיך ניט שרעקן פאַר אַ מענטשן, װאָרום דער משפּט איז גאָטס. און די זאַך װאָס װעט זײַן צו שװער פאַר אײַך, זאָלט איר ברענגען צו מיר, און איך װעל זי אױסהערן. [18] און איך האָב אײַך באַפױלן אין יענער צײַט אַלע זאַכן װאָס איר זאָלט טאָן.

[19] און מיר האָבן אַװעקגעצױגן פון חורֵב, און זײַנען דורכגעגאַנגען אין גאַנצן יענעם גרױסן און מוֹראדיקן מדבּר װאָס איר האָט געזען, אױפן װעג צו דעם געבערג פון אֶמוֹרי, אַזױ װי יהוה אונדזער גאָט האָט אונדז באַפױלן; און מיר זײַנען געקומען ביז קָדֵש־בַּרנֵעַ. [20] און איך האָב צו אײַך געזאָגט: איר זײַט געקומען ביז דעם געבערג פון אֶמוֹרי, װאָס יהוה אונדזער גאָט גיט אונדז; [21] זע, יהוה דײַן גאָט האָט איבערגעגעבן דאָס לאַנד צו דיר, גײ אַרױף און אַרבּ עס, אַזױ װי יהוה דער גאָט פון דײַנע עלטערן האָט דיר צוגעזאָגט; זאָלסט ניט מורא האָבן און ניט אַנגסטן. [22] האָט איר אַלע גע־נענט צו מיר, און האָט געזאָגט: לאָמיר שיקן מענטשן אונדז פאַרױס, און זײ זאָלן אױספאָרשן פאַר אונדז דאָס לאַנד, און אונדז ברענגען אַן ענטפער װעגן דעם װעג װאָס מיר זאָלן אױף אים גײן, און די שטעט װאָס מיר זאָלן אין זײ קומען. [23] און די זאַך איז װױלגעפעלן אין מײַנע אױגן, און איך האָב גענומען פון אײַך צװעלף מאַן, צו אײן מאַן פאַר אַ שבט. [24] און זײ האָבן זיך פאַרקערט און זײַנען אַרױפגעגאַנגען אין דעם געבערג, און זײַנען געקומען ביזן טאָל אֶשכּול, און האָבן עס אױסגעקוקט. [25] און זײ האָבן גענומען אין זײער האַנט פון דער פרוכט פון לאַנד, און אַראָפּגעבראַכט צו אונדז; און זײ האָבן אונדז געבראַכט אַן ענטפער און געזאָגט: גוט איז דאָס לאַנד װאָס יהוה אונדזער גאָט גיט אונדז. [26] אָבער איר האָט ניט געװאָלט אַרױפגײן, און האָט װידערשפּעניקט דעם מױל פון יהוה אײַער גאָט. [27] און איר האָט געמורמלט אין אײַערע געצעלטן, און האָט געזאָגט: װײַל גאָט האָט אונדז פײַנט, האָט ער אונדז אַרױסגעצױגן פון לאַנד מִצרַיִם, אונדז צו געבן אין דער האַנט פון אֶמוֹרי, כּדי אונדז צו פאַרטיליקן. [28] װוהין

יב לָכֶם׃ אֵיכָה אֶשָּׂא לְבַדִּי טָרְחֲכֶם וּמַשַּׂאֲכֶם וְרִיבְכֶם׃
יג הָבוּ לָכֶם אֲנָשִׁים חֲכָמִים וּנְבֹנִים וִידֻעִים לְשִׁבְטֵיכֶם
יד וַאֲשִׂימֵם בְּרָאשֵׁיכֶם׃ וַתַּעֲנוּ אֹתִי וַתֹּאמְרוּ טוֹב־הַדָּבָר
טו אֲשֶׁר־דִּבַּרְתָּ לַעֲשׂוֹת׃ וָאֶקַּח אֶת־רָאשֵׁי שִׁבְטֵיכֶם אֲנָשִׁים
חֲכָמִים וִידֻעִים וָאֶתֵּן אֹתָם רָאשִׁים עֲלֵיכֶם שָׂרֵי אֲלָפִים
וְשָׂרֵי מֵאוֹת וְשָׂרֵי חֲמִשִּׁים וְשָׂרֵי עֲשָׂרֹת וְשֹׁטְרִים לְשִׁבְטֵיכֶם׃
טז וָאֲצַוֶּה אֶת־שֹׁפְטֵיכֶם בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר שָׁמֹעַ בֵּין־אֲחֵיכֶם
יז וּשְׁפַטְתֶּם צֶדֶק בֵּין־אִישׁ וּבֵין־אָחִיו וּבֵין גֵּרוֹ׃ לֹא־תַכִּירוּ
פָנִים בַּמִּשְׁפָּט כַּקָּטֹן כַּגָּדֹל תִּשְׁמָעוּן לֹא תָגוּרוּ מִפְּנֵי־אִישׁ
כִּי הַמִּשְׁפָּט לֵאלֹהִים הוּא וְהַדָּבָר אֲשֶׁר יִקְשֶׁה מִכֶּם
יח תַּקְרִבוּן אֵלַי וּשְׁמַעְתִּיו׃ וָאֲצַוֶּה אֶתְכֶם בָּעֵת הַהִוא אֵת
יט כָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּן׃ וַנִּסַּע מֵחֹרֵב וַנֵּלֶךְ אֵת כָּל־
הַמִּדְבָּר הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא הַהוּא אֲשֶׁר רְאִיתֶם דֶּרֶךְ הַר
הָאֱמֹרִי כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ אֹתָנוּ וַנָּבֹא עַד קָדֵשׁ
כ בַּרְנֵעַ׃ וָאֹמַר אֲלֵכֶם בָּאתֶם עַד־הַר הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר־יְהוָה
כא אֱלֹהֵינוּ נֹתֵן לָנוּ׃ רְאֵה נָתַן יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְפָנֶיךָ אֶת־
הָאָרֶץ עֲלֵה רֵשׁ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֶיךָ לָךְ
שלי אַל־תִּירָא וְאַל־תֵּחָת׃ וַתִּקְרְבוּן אֵלַי כֻּלְּכֶם וַתֹּאמְרוּ נִשְׁלְחָה
אֲנָשִׁים לְפָנֵינוּ וְיַחְפְּרוּ־לָנוּ אֶת־הָאָרֶץ וְיָשִׁבוּ אֹתָנוּ דָּבָר
אֶת־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר נַעֲלֶה־בָּהּ וְאֵת הֶעָרִים אֲשֶׁר נָבֹא אֲלֵיהֶן׃
כג וַיִּיטַב בְּעֵינַי הַדָּבָר וָאֶקַּח מִכֶּם שְׁנֵים עָשָׂר אֲנָשִׁים אִישׁ
כד אֶחָד לַשָּׁבֶט׃ וַיִּפְנוּ וַיַּעֲלוּ הָהָרָה וַיָּבֹאוּ עַד־נַחַל אֶשְׁכֹּל
כה וַיְרַגְּלוּ אֹתָהּ׃ וַיִּקְחוּ בְיָדָם מִפְּרִי הָאָרֶץ וַיּוֹרִדוּ אֵלֵינוּ
וַיָּשִׁבוּ אֹתָנוּ דָבָר וַיֹּאמְרוּ טוֹבָה הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
כו נֹתֵן לָנוּ׃ וְלֹא אֲבִיתֶם לַעֲלֹת וַתַּמְרוּ אֶת־פִּי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃
כז וַתֵּרָגְנוּ בְאָהֳלֵיכֶם וַתֹּאמְרוּ בְּשִׂנְאַת יְהוָה אֹתָנוּ הוֹצִיאָנוּ
כח מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לָתֵת אֹתָנוּ בְּיַד הָאֱמֹרִי לְהַשְׁמִידֵנוּ׃ אָנָה ׀

---

כח׳ מלרע

אֲנַחְנוּ עֹלִים אַחֵינוּ הֵמַסּוּ אֶת־לְבָבֵנוּ לֵאמֹר עַם גָּדוֹל וָרָם
מִמֶּנּוּ עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצוּרֹת בַּשָּׁמָיִם וְגַם־בְּנֵי עֲנָקִים רָאִינוּ
שָׁם׃ וָאֹמַר אֲלֵכֶם לֹא־תַעַרְצוּן וְלֹא־תִירְאוּן מֵהֶם׃ כט
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם הַהֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם הוּא יִלָּחֵם לָכֶם כְּכֹל אֲשֶׁר ל
עָשָׂה אִתְּכֶם בְּמִצְרַיִם לְעֵינֵיכֶם׃ וּבַמִּדְבָּר אֲשֶׁר רָאִיתָ לא
אֲשֶׁר נְשָׂאֲךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ כַּאֲשֶׁר יִשָּׂא־אִישׁ אֶת־בְּנוֹ בְּכָל־
הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הֲלַכְתֶּם עַד־בֹּאֲכֶם עַד־הַמָּקוֹם הַזֶּה׃ וּבַדָּבָר לב
הַזֶּה אֵינְכֶם מַאֲמִינִם בַּיהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ הַהֹלֵךְ לִפְנֵיכֶם לג
בַּדֶּרֶךְ לָתוּר לָכֶם מָקוֹם לַחֲנֹתְכֶם בָּאֵשׁ ׀ לַיְלָה לַרְאֹתְכֶם
בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר תֵּלְכוּ־בָהּ וּבֶעָנָן יוֹמָם׃ וַיִּשְׁמַע יְהוָה אֶת־ לד
קוֹל דִּבְרֵיכֶם וַיִּקְצֹף וַיִּשָּׁבַע לֵאמֹר׃ אִם־יִרְאֶה אִישׁ לה
בָּאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה הַדּוֹר הָרָע הַזֶּה אֵת הָאָרֶץ הַטּוֹבָה אֲשֶׁר
נִשְׁבַּעְתִּי לָתֵת לַאֲבֹתֵיכֶם׃ זוּלָתִי כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה הוּא לו
יִרְאֶנָּה וְלוֹ־אֶתֵּן אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר דָּרַךְ־בָּהּ וּלְבָנָיו יַעַן אֲשֶׁר
מִלֵּא אַחֲרֵי יְהוָה׃ גַּם־בִּי הִתְאַנַּף יְהוָה בִּגְלַלְכֶם לֵאמֹר לז
גַּם־אַתָּה לֹא־תָבֹא שָׁם׃ יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן הָעֹמֵד לְפָנֶיךָ הוּא לח
יָבֹא שָׁמָּה אֹתוֹ חַזֵּק כִּי־הוּא יַנְחִלֶנָּה אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ וְטַפְּכֶם רב׳
אֲשֶׁר אֲמַרְתֶּם לָבַז יִהְיֶה וּבְנֵיכֶם אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּ הַיּוֹם
טוֹב וָרָע הֵמָּה יָבֹאוּ שָׁמָּה וְלָהֶם אֶתְּנֶנָּה וְהֵם יִירָשׁוּהָ׃
וְאַתֶּם פְּנוּ לָכֶם וּסְעוּ הַמִּדְבָּרָה דֶּרֶךְ יַם־סוּף׃ וַתַּעֲנוּ ׀ מ מא
וַתֹּאמְרוּ אֵלַי חָטָאנוּ לַיהוָה אֲנַחְנוּ נַעֲלֶה וְנִלְחַמְנוּ כְּכֹל
אֲשֶׁר־צִוָּנוּ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וַתַּחְגְּרוּ אִישׁ אֶת־כְּלֵי מִלְחַמְתּוֹ
וַתָּהִינוּ לַעֲלֹת הָהָרָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי אֱמֹר לָהֶם לֹא מב
תַעֲלוּ וְלֹא־תִלָּחֲמוּ כִּי אֵינֶנִּי בְּקִרְבְּכֶם וְלֹא תִּנָּגְפוּ לִפְנֵי
אֹיְבֵיכֶם׃ וָאֲדַבֵּר אֲלֵיכֶם וְלֹא שְׁמַעְתֶּם וַתַּמְרוּ אֶת־פִּי יְהוָה מג
וַתָּזִדוּ וַתַּעֲלוּ הָהָרָה׃ וַיֵּצֵא הָאֱמֹרִי הַיֹּשֵׁב בָּהָר הַהוּא מד
לִקְרַאתְכֶם וַיִּרְדְּפוּ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר תַּעֲשֶׂינָה הַדְּבֹרִים וַיַּכְּתוּ

לה׳ מלעיל

גייען מיר אַרויף? אונדזערע ברידער האָבן געמאַכט צער גיין אונדזער האַרץ, אַזוי צו זאָגן: דאָס פאָלק איז גרעסער און העכער פון אונדז, די שטעט גרויסע און באַפעסטיקטע ביז אין הימל; און אויך זין פון די ענקים האָבן מיר דאָרטן געזען. 29 און איך האָב צו אייך געזאָגט: איר זאָלט אייך ניט שרעקן און ניט מורא האָבן פאַר זיי. 30 יהוה אייער גאָט וואָס גייט אייך פאַרויס, ער וועט מלחמה האַלטן פאַר אייך, אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט געטאָן מיט אייך אין מצרים פאַר אייערע אויגן, 31 און אין דער מדבר, ווו דו האָסט געזען, אַז יהוה דיין גאָט האָט דיך געטראָגן, אַזוי ווי אַ מאַן טראָגט זיין קינד, דעם גאַנצן וועג וואָס איר זייט געגאַנגען, ביז איר זייט געקומען צו דעמדאָזיקן אָרט. 32 און אין דערדאָזיקער זאַך גלויבט איר ניט יהוה אייער גאָט, 33 וואָס איז אייך געגאַנגען פאַרויס אויפן וועג, אייך אויסצוזוכן אַן אָרט פאַר אייך צום לאַגערן: אין פייער ביי נאַכט, כּדי אייך צו ווייזן דעם וועג וואָס איר זאָלט אויף אים גיין, און אין וואָלקן ביי טאָג.

34 און גאָט האָט געהערט דעם קול פון אייערע ווערטער, און ער האָט געצערנט, און האָט געשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: 35 אויב עמיצער פון דידאָזיקע לייט, פון דעמ־דאָזיקן שלעכטן דור, וועט אָנזען דאָס גוטע לאַנד, וואָס איך האָב געשוואָרן צו געבן אייערע עלטערן! 36 אַחוץ כּלב דער זון פון יפונהן; ער וועט עס זען, און צו אים וועל איך געבן דאָס לאַנד וואָס ער האָט געטרעטן דערויף, און צו זיינע קינדער; ווייל ער איז געגאַנגען געטריי נאָך גאָט. 37 אויך אויף מיר האָט גאָט געצערנט איבער אייך, אַזוי צו זאָגן: דו אויך וועסט אַהין ניט קומען; 38 יהושע דער זון פון נון, וואָס שטייט פאַר דיר, ער וועט אַהין קומען; אים שטאַרק, וואָרום ער וועט עס מאַכן אַרבן ישראל. 39 און אייערע קליינע קינדער, וואָס איר האָט געזאָגט, זיי וועלן זיין צו רויב, און אייערע זין, וואָס פאַרשטייען נאָך היינט ניט גוטס אָדער שלעכטס, זיי וועלן אַהין קומען, און צו זיי וועל איך עס געבן, און זיי וועלן עס אַרבן. 40 און איר פאַרקערט אייך, און ציט צום מדבר, אויפן וועג פון ים־סוף.

41 האָט איר זיך אָפּגערופן, און האָט צו מיר געזאָגט: מיר האָבן געזינדיקט צו גאָט; מיר וועלן אַרויפגיין, און וועלן מלחמה האַלטן, אַזוי ווי אַלץ וואָס יהוה אונדזער גאָט האָט אונדז באַפוילן. און איר האָט אָנגעגורט איטלעכער זיינע כּלי־מלחמה, און געהאַלטן פאַר גרינג אַרויפצוגיין אין דעם געבערג. 42 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: זאָג צו זיי: איר זאָלט ניט אַרויפגיין, און איר זאָלט ניט מלחמה האַלטן, וואָרום איך בין ניט צווישן אייך; כּדי איר זאָלט ניט געשלאָגן ווערן פאַר אייערע פיינט. 43 און איך האָב צו אייך גערעדט, אָבער איר האָט ניט צוגעהערט, און איר האָט ווידערשפּעניקט דעם מויל פון גאָט, און איר האָט געמוטוויליקט, און זייט אַרויפגעגאַנגען אין דעם געבערג. 44 איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן אייך דער אמורי וואָס איז געזעסן אין יענעם געבערג, און זיי האָבן אייך נאָכגעיאָגט אַזוי ווי די בינען טוען, און אייך צעקלאַפּט

אין שֵׂעִיר, ביז חָרמָה. [45] און איר האָט זיך אומגעקערט, און איר האָט געוויינט פאַר גאָט, אָבער גאָט האָט ניט צוגעהערט צו אייער קָול, און ניט גענייגט דאָס אויער צו אײַך. [46] און איר זייט געבליבן אין קָדֵש פיל טעג, לויט די טעג וואָס איר זייט געבליבן.

ב [1] און מיר האָבן זיך פאַרקערט, און האָבן געצויגן צום מדבר, אויפן וועג פון ים־סוף, אַזוי ווי גאָט האָט צו מיר גערעדט; און מיר האָבן זיך אַרומגעדרייט אַרום באַרג שֵׂעִיר פיל טעג.

[2] און גאָט האָט צו מיר געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: [3] גענוג אײַך אַרומגיין דעמדאָזיקן באַרג; פאַרקערט אײַך קיין צפון. [4] און דעם פאָלק באַפעל, אַזוי צו זאָגן: איר גייט־דורך דורך דעם געמאַרק פון אײַערע ברידער, די קינדער פון עֵשָׂו, וואָס זיצן אין שֵׂעִיר, און זיי וועלן מורא האָבן פאַר אײַך; זאָלט איר זיין זייער אָפּגעהיט. [5] איר זאָלט זיך ניט אָנהייבן מיט זיי, וואָרום ניט צומאָל אַ שפּאַן פון אַ פוסטריט וועל איך אײַך געבן פון זייער לאַנד, ווייל אַ ירושה צו עֵשָׂו האָב איך געגעבן דעם באַרג שֵׂעִיר. [6] עסנוואַרג זאָלט איר פון זיי פאַר געלט אײַנהאַנדלען און עסן, און אַפילו וואַסער זאָלט איר פון זיי פאַר געלט קויפן און טרינקען. [7] וואָרום יהוה דיין גאָט האָט דיך געבענטשט אין יעטוועדער טואונג פון דיין האַנט; ער האָט געוווּסט דיין גיין דורך דעמדאָזיקן גרויסן מדבר; שוין פערציק יאָר איז יהוה דיין גאָט מיט דיר; קיין זאַך האָט דיר ניט געפעלט. [8] און מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען פון אונדזערע ברידער, די קינדער פון עֵשָׂו וואָס זיצן אין שֵׂעִיר, פון דעם וועג פון פּלוין, פון אֵילַת, און פון עֶצְיוֹן־גֶבֶר.

און מיר האָבן זיך פאַרקערט און זיינען אַוועקגעגאַנגען אויף דעם וועג פון דעם מדבר פון מוֹאָב. [9] און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: זאָלסט ניט פיינטן מוֹאָב, און ניט פאַרפירן מיט זיי אַ מלחמה, וואָרום איך וועל דיר פון זיין לאַנד ניט געבן קיין אַרב, ווייל צו די קינדער פון לוט האָב איך געגעבן עָר אַ ירושה.—[10] פריער זיינען דאָרטן געזעסן די אֵימִים, אַ פאָלק גרויס און פיל, און הויך ווי די עֲנָקִים; [11] זיי אויך זיינען גערעכנט געוואָרן פאַר רְפָאִים, אַזוי ווי די עֲנָקִים, אָבער די מוֹאָבִים האָבן זיי גערופן אֵימִים. [12] און אין שֵׂעִיר זיינען פריער געזעסן די חוֹרִים, אָבער די קינדער פון עֵשָׂו האָבן זיי פאַרטריבן, און זיי פאַרטיליקט פון פאַר זיך, און זיך באַזעצט אויף זייער אָרט, אַזוי ווי ישׂראל האָט געטאָן צום לאַנד פון זיין אַרב, וואָס גאָט האָט זיי געגעבן.—[13] אַצונד שטייט אויף, און גייט אײַך אַריבער דעם טייך זֶרֶד.

און מיר זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם טייך זֶרֶד. [14] און די טעג וואָס מיר זיינען געגאַנגען פון קָדֵשׁ־בַּרְנֵעַ ביז וואַנען מיר זיינען אַריבער דעם טייך זֶרֶד, זיינען געווען אַכט און דרייסיק יאָר; ביז דער גאַנצער דוֹר, די

מה אֶתְכֶם בְּשֵׂעִיר עַד־חָרְמָה׃ וַתָּשֻׁבוּ וַתִּבְכּוּ לִפְנֵי יְהוָה
מו וְלֹא־שָׁמַע יְהוָה בְּקֹלְכֶם וְלֹא הֶאֱזִין אֲלֵיכֶם׃ וַתֵּשְׁבוּ בְקָדֵשׁ
יָמִים רַבִּים כַּיָּמִים אֲשֶׁר יְשַׁבְתֶּם׃

ב

א וַנֵּפֶן וַנִּסַּע הַמִּדְבָּרָה דֶּרֶךְ יַם־סוּף כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה
חמ׳ אֵלָי וַנָּסָב אֶת־הַר־שֵׂעִיר יָמִים רַבִּים׃ ס וַיֹּאמֶר
ג יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ רַב־לָכֶם סֹב אֶת־הָהָר הַזֶּה פְּנוּ לָכֶם
ד צָפֹנָה׃ וְאֶת־הָעָם צַו לֵאמֹר אַתֶּם עֹבְרִים בִּגְבוּל אֲחֵיכֶם
בְּנֵי־עֵשָׂו הַיֹּשְׁבִים בְּשֵׂעִיר וְיִירְאוּ מִכֶּם וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד׃
ה אַל־תִּתְגָּרוּ בָם כִּי לֹא־אֶתֵּן לָכֶם מֵאַרְצָם עַד מִדְרַךְ כַּף־
ו רָגֶל כִּי־יְרֻשָּׁה לְעֵשָׂו נָתַתִּי אֶת־הַר שֵׂעִיר׃ אֹכֶל תִּשְׁבְּרוּ
מֵאִתָּם בַּכֶּסֶף וַאֲכַלְתֶּם וְגַם־מַיִם תִּכְרוּ מֵאִתָּם בַּכֶּסֶף
ז וּשְׁתִיתֶם׃ כִּי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בֵּרַכְךָ בְּכֹל מַעֲשֵׂה יָדֶךָ יָדַע
לֶכְתְּךָ אֶת־הַמִּדְבָּר הַגָּדֹל הַזֶּה זֶה ׀ אַרְבָּעִים שָׁנָה יְהוָה
ח אֱלֹהֶיךָ עִמָּךְ לֹא חָסַרְתָּ דָּבָר׃ וַנַּעֲבֹר מֵאֵת אַחֵינוּ בְנֵי־
עֵשָׂו הַיֹּשְׁבִים בְּשֵׂעִיר מִדֶּרֶךְ הָעֲרָבָה מֵאֵילַת וּמֵעֶצְיֹן
ט גָּבֶר * ס וַנֵּפֶן וַנַּעֲבֹר דֶּרֶךְ מִדְבַּר מוֹאָב׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֵלַי אַל־תָּצַר אֶת־מוֹאָב וְאַל־תִּתְגָּר בָּם מִלְחָמָה
כִּי לֹא־אֶתֵּן לְךָ מֵאַרְצוֹ יְרֻשָּׁה כִּי לִבְנֵי־לוֹט נָתַתִּי אֶת־עָר
י יְרֻשָּׁה׃ הָאֵמִים לְפָנִים יָשְׁבוּ בָהּ עַם גָּדוֹל וְרַב וָרָם
יא כָּעֲנָקִים׃ רְפָאִים יֵחָשְׁבוּ אַף־הֵם כָּעֲנָקִים וְהַמֹּאָבִים
יב יִקְרְאוּ לָהֶם אֵמִים׃ וּבְשֵׂעִיר יָשְׁבוּ הַחֹרִים לְפָנִים וּבְנֵי
עֵשָׂו יִירָשׁוּם וַיַּשְׁמִידוּם מִפְּנֵיהֶם וַיֵּשְׁבוּ תַּחְתָּם כַּאֲשֶׁר
יג עָשָׂה יִשְׂרָאֵל לְאֶרֶץ יְרֻשָּׁתוֹ אֲשֶׁר־נָתַן יְהוָה לָהֶם׃ עַתָּה
קֻמוּ וְעִבְרוּ לָכֶם אֶת־נַחַל זָרֶד וַנַּעֲבֹר אֶת־נַחַל זָרֶד׃
יד וְהַיָּמִים אֲשֶׁר־הָלַכְנוּ ׀ מִקָּדֵשׁ בַּרְנֵעַ עַד אֲשֶׁר־עָבַרְנוּ אֶת־
נַחַל זֶרֶד שְׁלֹשִׁים וּשְׁמֹנֶה שָׁנָה עַד־תֹּם כָּל־הַדּוֹר אַנְשֵׁי

ב, ח׳ פיסקא באמצע פסוק

טו הַמִּלְחָמָה מִקֶּרֶב הַמַּחֲנֶה כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לָהֶם׃ וְגַם
יַד־יְהוָה הָיְתָה בָּם לְהֻמָּם מִקֶּרֶב הַמַּחֲנֶה עַד תֻּמָּם׃
טז וַיְהִי כַאֲשֶׁר־תַּמּוּ כָּל־אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה לָמוּת מִקֶּרֶב הָעָם׃
יז יח ס וַיְדַבֵּר יְהוָה אֵלַי לֵאמֹר׃ אַתָּה עֹבֵר הַיּוֹם אֶת־גְּבוּל
יט מוֹאָב אֶת־עָר׃ וְקָרַבְתָּ מוּל בְּנֵי עַמּוֹן אַל־תְּצֻרֵם וְאַל־
תִּתְגָּר בָּם כִּי לֹא־אֶתֵּן מֵאֶרֶץ בְּנֵי־עַמּוֹן לְךָ יְרֻשָּׁה כִּי לִבְנֵי־
כ לוֹט נְתַתִּיהָ יְרֻשָּׁה׃ אֶרֶץ־רְפָאִים תֵּחָשֵׁב אַף־הִוא רְפָאִים
כא יָשְׁבוּ־בָהּ לְפָנִים וְהָעַמֹּנִים יִקְרְאוּ לָהֶם זַמְזֻמִּים׃ עַם גָּדוֹל
וְרַב וָרָם כָּעֲנָקִים וַיַּשְׁמִידֵם יְהוָה מִפְּנֵיהֶם וַיִּירָשֻׁם וַיֵּשְׁבוּ
כב תַחְתָּם׃ כַּאֲשֶׁר עָשָׂה לִבְנֵי עֵשָׂו הַיֹּשְׁבִים בְּשֵׂעִיר אֲשֶׁר
הִשְׁמִיד אֶת־הַחֹרִי מִפְּנֵיהֶם וַיִּירָשֻׁם וַיֵּשְׁבוּ תַחְתָּם עַד הַיּוֹם
כג הַזֶּה׃ וְהָעַוִּים הַיֹּשְׁבִים בַּחֲצֵרִים עַד־עַזָּה כַּפְתֹּרִים הַיֹּצְאִים
כד מִכַּפְתּוֹר הִשְׁמִידֻם וַיֵּשְׁבוּ תַחְתָּם׃ קוּמוּ סְּעוּ וְעִבְרוּ אֶת־
נַחַל אַרְנֹן רְאֵה נָתַתִּי בְיָדְךָ אֶת־סִיחֹן מֶלֶךְ־חֶשְׁבּוֹן הָאֱמֹרִי
כה וְאֶת־אַרְצוֹ הָחֵל רָשׁ וְהִתְגָּר בּוֹ מִלְחָמָה׃ הַיּוֹם הַזֶּה אָחֵל
תֵּת פַּחְדְּךָ וְיִרְאָתְךָ עַל־פְּנֵי הָעַמִּים תַּחַת כָּל־הַשָּׁמָיִם
כו אֲשֶׁר יִשְׁמְעוּן שִׁמְעֲךָ וְרָגְזוּ וְחָלוּ מִפָּנֶיךָ׃ וָאֶשְׁלַח מַלְאָכִים
מִמִּדְבַּר קְדֵמוֹת אֶל־סִיחוֹן מֶלֶךְ חֶשְׁבּוֹן דִּבְרֵי שָׁלוֹם
כז לֵאמֹר׃ אֶעְבְּרָה בְאַרְצֶךָ בַּדֶּרֶךְ בַּדֶּרֶךְ אֵלֵךְ לֹא אָסוּר
כח יָמִין וּשְׂמֹאול׃ אֹכֶל בַּכֶּסֶף תַּשְׁבִּרֵנִי וְאָכַלְתִּי וּמַיִם בַּכֶּסֶף
כט תִּתֶּן־לִי וְשָׁתִיתִי רַק אֶעְבְּרָה בְרַגְלָי׃ כַּאֲשֶׁר עָשׂוּ־לִי בְּנֵי
עֵשָׂו הַיֹּשְׁבִים בְּשֵׂעִיר וְהַמּוֹאָבִים הַיֹּשְׁבִים בְּעָר עַד אֲשֶׁר־
אֶעֱבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ נֹתֵן לָנוּ׃
ל וְלֹא אָבָה סִיחֹן מֶלֶךְ חֶשְׁבּוֹן הַעֲבִרֵנוּ בּוֹ כִּי־הִקְשָׁה יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ אֶת־רוּחוֹ וְאִמֵּץ אֶת־לְבָבוֹ לְמַעַן תִּתּוֹ בְיָדְךָ כַּיּוֹם
ששי הַזֶּה׃ ס וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי רְאֵה הַחִלֹּתִי תֵּת לְפָנֶיךָ
לב אֶת־סִיחֹן וְאֶת־אַרְצוֹ הָחֵל רָשׁ לָרֶשֶׁת אֶת־אַרְצוֹ׃ וַיֵּצֵא

כד סמך דגושה    כז מלא ואו

קריגסלייט, זיינען פאַרלענדט געוואָרן פון צווישן דעם לאַגער, אַזוי ווי גאָט האָט זיי געשוואָרן. [15] און אויך איז די האַנט פון גאָט געווען אויף זיי, זיי אומצובּרענגען פון צווישן דעם לאַגער, ביז זיי זיינען פאַרלענדט געוואָרן.

[16] און עס איז געווען, אַז אַלע קריגסלייט זיינען אין גאַנצן אויסגעשטאָרבּן פון צווישן דעם פאָלק, [17] האָט גאָט גערעדט צו מיר, אַזוי צו זאָגן: [18] דו גייסט היינט אַריבּער דעם געמאַרק פון מואב, ער, [19] און וועסט גענענען אַקעגן די קינדער פון עמון, זאָלסט זיי ניט פיינטן, און זיך מיט זיי ניט אָנהייבּן, וואָרום איך וועל דיר פון דעם לאַנד פון די קינדער פון עמון ניט געבּן קיין אַרבּ, ווייל צו די קינדער פון לוט האָבּ איך עס געגעבּן אַ ירושה.— [20] דאָס אויך ווערט גערעכנט פאַרן לאַנד פון די רפאים; די רפאים זיינען דרינען געזעסן פריער, און די עמונים האָבּן זיי גערופן זמזומים; [21] אַ פאָלק גרויס און פיל, און הויך ווי די ענקים; אָבּער גאָט האָט זיי פאַרטיליקט פון פאַר זיי, און זיי האָבּן זיי פאַרטריבּן, און זיך באַזעצט אויף זייער אָרט; [22] אַזוי ווי ער האָט געטאָן פאַר די קינדער פון עשו וואָס זיצן אין שעיר, וואָס ער האָט פאַרטיליקט די חורים פון פאַר זיי, און זיי האָבּן זיי פאַרטריבּן, און זיך באַזעצט אויף זייער אָרט ביז אויף היינטיקן טאָג. [23] און די עוים וואָס זיינען געזעסן אין דערפער ביז עזה, זיי האָבּן די כפתורים וואָס קומען אַרויס פון כפתור, פאַר־טיליקט, און זיך באַזעצט אויף זייער אָרט.— [24] שטייט אויף, ציט אַוועק, און גייט אַריבּער דעם טאָל אַרנון. זע, איך האָבּ געגעבּן אין דיין האַנט סיחון דעם אמורי, דעם מלך פון חשבון, און זיין לאַנד; הייבּ אָן איינצונעמען, און פאַר־פיר מיט אים אַ מלחמה. [25] היינטיקן טאָג וועל איך אָנהייבּן וואַרפן דיין שרעק און דיין מורא אויף די פעלקער אונטערן גאַנצן הימל, אַז ווען זיי וועלן הערן דיין הערונג, וועלן זיי ציטערן און פלאַטערן פאַר דיר.

[26] און איך האָבּ געשיקט שלוחים פון מדבר קדמות צו סיחון דעם מלך פון חשבון—ווערטער פון שלום, אַזוי צו זאָגן: [27] לאָמיך דורכגיין דורך דיין לאַנד; אויפן וועג, אויפן וועג וועל איך גיין; איך וועל זיך ניט אָפּקערן רעכטס אָדער לינקס. [28] עסנוואַרג וועסטו מיר פאַר געלט פאַרקויפן, און איך וועל עסן, און וואַסער וועסטו מיר פאַר געלט געבּן, און איך וועל טרינקען; לאָמיך בלויז דורכגיין אויף מיינע פיס; [29] אַזוי ווי עס האָבּן מיט מיר געטאָן די קינדער פון עשו וואָס זיצן אין שעיר, און די מואבים וואָס זיצן אין ער; ביז וואַנען איך וועל אַריבּערגיין דעם ירדן צו דעם לאַנד וואָס יהוה אונדזער גאָט גיט אונדז. [30] אָבּער סיחון דער מלך פון חשבון האָט אונדז ניט געוואָלט דורכלאָזן דורך אים, וואָרום יהוה דיין גאָט האָט האַרט געמאַכט זיין געמיט, און פעסט געמאַכט זיין האַרץ, כדי אים צו געבּן אין דיין האַנט, אַזוי ווי היינטיקן טאָג.

[31] און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: זע, איך האָבּ אָנגעהויבּן איבּערגעבּן צו דיר סיחונען און זיין לאַנד; הייבּ אָן איינצונעמען כדי צו אַרבּן זיין לאַנד. [32] איז סיחון אַרויסגעגאַנגען אַקעגן אונדז, ער מיט זיין גאַנצן

פֿאָלק, אויף מלחמה קיין יַהַץ. [33] און יהוה אונדזער גאָט האָט אים איבערגעגעבן צו אונדז, און מיר האָבן געשלאָגן אים, און זיינע זין, און זיין גאַנץ פֿאָלק. [34] און מיר האָבן אין יענער צייט באַצוווּנגען זיינע שטעט, און פֿאַרוויסט איטלעכע שטאָט, מענער און ווייבער און קליינע קינדער; מיר האָבן ניט געלאָזט אַן איבערבלייב. [35] נאָר די בהמות האָבן מיר גערויבט פֿאַר זיך, און דעם זאַקרויב פֿון די שטעט וואָס מיר האָבן באַצוווּנגען. [36] פֿון עֲרוֹעֵר וואָס ביים ברעג טאָל אַרנוֹן, און דער שטאָט וואָס אין טאָל, און ביז גִלעָד, איז ניט געווען אַ שטאָט וואָס איז געווען שטאַרקער פֿון אונדז; אַלץ האָט יהוה אונדזער גאָט איבערגעגעבן צו אונדז. [37] נאָר צו דעם לאַנד פֿון די קינדער פֿון עַמון האָסטו ניט גענענט: צו דעם גאַנצן ברעג פֿון טייך יַבּוֹק, און די שטעט פֿון באַרג, און אומעטום ווו יהוה אונדזער גאָט האָט פֿאַרווערט.

ג [1] און מיר האָבן זיך פֿאַרקערט, און זיינען אַרויפֿגעגאַנגען מיטן וועג פֿון בָּשָׁן; און עוֹג דער מלך פֿון בָּשָׁן איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן אונדז, ער מיט זיין גאַנצן פֿאָלק, אויף מלחמה קיין אֶדרֶעִי. [2] און גאָט האָט געזאָגט צו מיר: זאָלסט ניט מורא האָבן פֿאַר אים, וואָרום איך האָב אים, מיט זיין גאַנצן פֿאָלק און זיין לאַנד, געגעבן אין דיין האַנט, און וועסט טאָן צו אים אַזוי ווי דו האָסט געטאָן צו סיחון דעם מלך פֿון אֶמוֹרִי, וואָס איז געזעסן אין חֶשבּוֹן. [3] און יהוה אונדזער גאָט האָט אויך געגעבן אין אונדזער האַנט עוֹג דעם מלך פֿון בָּשָׁן, מיט זיין גאַנצן פֿאָלק, און מיר האָבן אים געשלאָגן ביז אים ניט צו לאָזן אַן איבערבלייב. [4] און מיר האָבן באַצוווּנגען אין יענער צייט אַלע זיינע שטעט; ניט געווען אַ שטאָט וואָס מיר האָבן ניט צוגענומען פֿון זיי; זעכציק שטעט, די גאַנצע געגנט פֿון אַרגוֹב, דאָס קיניגרייך פֿון עוֹג אין בָּשָׁן. [5] אַלע דידאָזיקע זיינען געווען באַפֿעסטיקטע שטעט מיט הויכע מויערן, מיט טויערן און ריגלען, אַחוץ אָפֿענע שטעט זייער פֿיל. [6] און מיר האָבן זיי פֿאַרוויסט, אַזוי ווי מיר האָבן געטאָן צו סיחון דעם מלך פֿון חֶשבּוֹן—פֿאַרוויסט איטלעכע שטאָט, מענער, ווייבער, און קליינע קינדער. [7] נאָר אַלע בהמות, און דעם זאַקרויב פֿון די שטעט, האָבן מיר גערויבט פֿאַר זיך.

[8] און מיר האָבן אַוועקגענומען אין יענער צייט דאָס לאַנד פֿון דער האַנט פֿון די צוויי מלכים פֿון אֶמוֹרִי וואָס אויף דעֵר זייט יַרדן, פֿון טאָל אַרנוֹן ביז באַרג חֶרמוֹן—[9] די צידוֹנים רופֿן דעם חֶרמוֹן, שִׂריוֹן, און די אֶמוֹרים רופֿן אים שׂנִיר—[10] אַלע שטעט פֿון דעם פֿלאַכלאַנד, און גאַנץ גִלעָד, און גאַנץ בָּשָׁן, ביז סַלכָה און אֶדרֶעִי, שטעט פֿון עוֹגס קיניגרייך אין בָּשָׁן. [11] וואָרום נאָר עוֹג דער מלך פֿון בָּשָׁן איז געבליבן פֿון דעם רעשט פֿון

לג סִיחֹן לִקְרָאתֵנוּ הוּא וְכָל־עַמּוֹ לַמִּלְחָמָה יָהְצָה׃ וַיִּתְּנֵהוּ
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ לְפָנֵינוּ וַנַּךְ אֹתוֹ וְאֶת־בָּנָו וְאֶת־כָּל־עַמּוֹ׃
לד וַנִּלְכֹּד אֶת־כָּל־עָרָיו בָּעֵת הַהִוא וַנַּחֲרֵם אֶת־כָּל־עִיר מְתִם
לה וְהַנָּשִׁים וְהַטָּף לֹא הִשְׁאַרְנוּ שָׂרִיד׃ רַק הַבְּהֵמָה בָּזַזְנוּ
לו לָנוּ וּשְׁלַל הֶעָרִים אֲשֶׁר לָכָדְנוּ׃ מֵעֲרֹעֵר אֲשֶׁר עַל־שְׂפַת־
נַחַל אַרְנֹן וְהָעִיר אֲשֶׁר בַּנַּחַל וְעַד־הַגִּלְעָד לֹא הָיְתָה קִרְיָה
אֲשֶׁר שָׂגְבָה מִמֶּנּוּ אֶת־הַכֹּל נָתַן יְהוָה אֱלֹהֵינוּ לְפָנֵינוּ׃
לז רַק אֶל־אֶרֶץ בְּנֵי־עַמּוֹן לֹא קָרָבְתָּ כָּל־יַד נַחַל יַבֹּק וְעָרֵי
הָהָר וְכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃

ג

א וַנֵּפֶן וַנַּעַל דֶּרֶךְ הַבָּשָׁן וַיֵּצֵא עוֹג מֶלֶךְ־הַבָּשָׁן לִקְרָאתֵנוּ
ב הוּא וְכָל־עַמּוֹ לַמִּלְחָמָה אֶדְרֶעִי׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי אַל־
תִּירָא אֹתוֹ כִּי בְיָדְךָ נָתַתִּי אֹתוֹ וְאֶת־כָּל־עַמּוֹ וְאֶת־אַרְצוֹ
וְעָשִׂיתָ לּוֹ כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתָ לְסִיחֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר יוֹשֵׁב
ג בְּחֶשְׁבּוֹן׃ וַיִּתֵּן יְהוָה אֱלֹהֵינוּ בְּיָדֵנוּ גַּם אֶת־עוֹג מֶלֶךְ־
הַבָּשָׁן וְאֶת־כָּל־עַמּוֹ וַנַּכֵּהוּ עַד־בִּלְתִּי הִשְׁאִיר־לוֹ שָׂרִיד׃
ד וַנִּלְכֹּד אֶת־כָּל־עָרָיו בָּעֵת הַהִוא לֹא הָיְתָה קִרְיָה אֲשֶׁר
לֹא־לָקַחְנוּ מֵאִתָּם שִׁשִּׁים עִיר כָּל־חֶבֶל אַרְגֹּב מַמְלֶכֶת
ה עוֹג בַּבָּשָׁן׃ כָּל־אֵלֶּה עָרִים בְּצֻרֹת חוֹמָה גְבֹהָה דְּלָתַיִם
ו וּבְרִיחַ לְבַד מֵעָרֵי הַפְּרָזִי הַרְבֵּה מְאֹד׃ וַנַּחֲרֵם אוֹתָם
כַּאֲשֶׁר עָשִׂינוּ לְסִיחֹן מֶלֶךְ חֶשְׁבּוֹן הַחֲרֵם כָּל־עִיר מְתִם
ז הַנָּשִׁים וְהַטָּף׃ וְכָל־הַבְּהֵמָה וּשְׁלַל הֶעָרִים בַּזּוֹנוּ לָנוּ׃
ח וַנִּקַּח בָּעֵת הַהִוא אֶת־הָאָרֶץ מִיַּד שְׁנֵי מַלְכֵי הָאֱמֹרִי
ט אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִנַּחַל אַרְנֹן עַד־הַר חֶרְמוֹן׃ צִידֹנִים
י יִקְרְאוּ לְחֶרְמוֹן שִׂרְיֹן וְהָאֱמֹרִי יִקְרְאוּ־לוֹ שְׂנִיר׃ כֹּל ׀ עָרֵי
הַמִּישֹׁר וְכָל־הַגִּלְעָד וְכָל־הַבָּשָׁן עַד־סַלְכָה וְאֶדְרֶעִי עָרֵי
יא מַמְלֶכֶת עוֹג בַּבָּשָׁן׃ כִּי רַק־עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן נִשְׁאַר מִיֶּתֶר

ב, לג׳ בניו ק.

הָרְפָאִים הִנֵּה עַרְשׂוֹ עֶרֶשׂ בַּרְזֶל הֲלֹה הִוא בְּרַבַּת בְּנֵי
עַמּוֹן תֵּשַׁע אַמּוֹת אָרְכָּהּ וְאַרְבַּע אַמּוֹת רָחְבָּהּ בְּאַמַּת־
אִישׁ׃ וְאֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת יָרַשְׁנוּ בָּעֵת הַהִוא מֵעֲרֹעֵר יב
אֲשֶׁר־עַל־נַחַל אַרְנֹן וַחֲצִי הַר־הַגִּלְעָד וְעָרָיו נָתַתִּי לָראוּבֵנִי
וְלַגָּדִי׃ וְיֶתֶר הַגִּלְעָד וְכָל־הַבָּשָׁן מַמְלֶכֶת עוֹג נָתַתִּי לַחֲצִי יג
שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה כֹּל חֶבֶל הָאַרְגֹּב לְכָל־הַבָּשָׁן הַהוּא יִקָּרֵא
אֶרֶץ רְפָאִים׃ יָאִיר בֶּן־מְנַשֶּׁה לָקַח אֶת־כָּל־חֶבֶל אַרְגֹּב יד
עַד־גְּבוּל הַגְּשׁוּרִי וְהַמַּעֲכָתִי וַיִּקְרָא אֹתָם עַל־שְׁמוֹ אֶת־
הַבָּשָׁן חַוֺּת יָאִיר עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וּלְמָכִיר נָתַתִּי אֶת־הַגִּלְעָד׃ שב׳
וְלָראוּבֵנִי וְלַגָּדִי נָתַתִּי מִן־הַגִּלְעָד וְעַד־נַחַל אַרְנֹן תּוֹךְ טז
הַנַּחַל וּגְבֻל וְעַד יַבֹּק הַנַּחַל גְּבוּל בְּנֵי עַמּוֹן׃ וְהָעֲרָבָה יז
וְהַיַּרְדֵּן וּגְבֻל מִכִּנֶּרֶת וְעַד יָם הָעֲרָבָה יָם הַמֶּלַח תַּחַת
אַשְׁדֹּת הַפִּסְגָּה מִזְרָחָה׃ וָאֲצַו אֶתְכֶם בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר יח
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם נָתַן לָכֶם אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת לְרִשְׁתָּהּ חֲלוּצִים
תַּעַבְרוּ לִפְנֵי אֲחֵיכֶם בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל כָּל־בְּנֵי־חָיִל׃ רַק יט
נְשֵׁיכֶם וְטַפְּכֶם וּמִקְנֵכֶם יָדַעְתִּי כִּי־מִקְנֶה רַב לָכֶם יֵשְׁבוּ
בְּעָרֵיכֶם אֲשֶׁר נָתַתִּי לָכֶם׃ עַד אֲשֶׁר־יָנִיחַ יְהוָה׀ לַאֲחֵיכֶם מפ׳
כָּכֶם וְיָרְשׁוּ גַם־הֵם אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם נֹתֵן
לָהֶם בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן וְשַׁבְתֶּם אִישׁ לִירֻשָּׁתוֹ אֲשֶׁר נָתַתִּי
לָכֶם׃ וְאֶת־יְהוֹשׁוּעַ צִוֵּיתִי בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר עֵינֶיךָ כא
הָרֹאֹת אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לִשְׁנֵי הַמְּלָכִים
הָאֵלֶּה כֵּן־יַעֲשֶׂה יְהוָה לְכָל־הַמַּמְלָכוֹת אֲשֶׁר אַתָּה
עֹבֵר שָׁמָּה׃ לֹא תִּירָאוּם כִּי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם הוּא כב
הַנִּלְחָם לָכֶם׃ ס

די רפָאים; אָט זיין בעט, אַן אײַזערן בעט, איז דאָך אין רַבָּה פון די קינדער פון עַמון. ניין איילן איז איר לענג, און פיר איילן איר ברייט, אויף דער אייל פון אַ מאַן.

[12] און דאָסדאָזיקע לאַנד האָבן מיר געאַרבט אין יענער צייט. פון עֲרוֹעֵר וואָס ביים טאָל אַרנון, און אַ העלפט פון דעם געבערג פון גִלעָד, מיט אירע שטעט, האָב איך געגעבן צו די ראוּבֵנים און צו די גָדים. [13] און דעם רעשט פון גִלעָד, און גאַנץ בָּשָן, דאָס קיניגרייך פון עוֹגן, האָב איך געגעבן צום האַלבן שבט מנשה; די גאַנצע געגנט פון אַרגוֹב—יענער גאַנצער בָּשָן ווערט גערופן דאָס לאַנד פון די רפָאים. [14] יָאיר דער זון פון מנשה האָט גענומען די גאַנצע געגנט פון אַרגוֹב ביז דעם געמאַרק פון דעם גשורי, און דעם מַעֲכָתי, און האָט זיי—בָּשָן—גערופן אויף זיין נאָמען חַוּות־יָאיר[א], ווי ביז אויף היינטיקן טאָג. [15] און צו מָכירן האָב איך געגעבן גִלעָד. [16] און צו די ראוּבֵנים און צו די גָדים האָב איך געגעבן פון גִלעָד און ביזן טאָל אַרנוֹן, דעם מיטן טאָל און דעם ברעג, און ביזן טייך יַבּוֹק, דעם געמאַרק פון די קינדער פון עַמון; [17] און דעם פּלוין מיטן יַרדן און דעם ברעג, פון כִּנֶרֶת און ביז דעם ים פון פּלוין, דעם יַם־הַמֶלַח, אונטער די אַראָפּגאַנגען פון פִּסגָה, צו מזרח.

[18] און איך האָב אײַך באַפוילן אין יענער צייט, אַזוי צו זאָגן: יהוה אײַער גאָט האָט אײַך געגעבן דאָסדאָזיקע לאַנד עס צו אַרבן; זאָלט איר, אַלע העלדישע יונגען, אַריבערגיין געוואָפנט פאַרויס פאַר אײַערע ברידער, די קינדער פון ישראל. [19] בלויז אײַערע ווייבער און אײַערע קליינע קינדער און אײַער פי—איך ווייס, אַז איר האָט פיל פי—זאָלן בלייבן אין אײַערע שטעט, וואָס איך האָב אײַך געגעבן; [20] ביז וואַנען גאָט וועט באַרוען אײַערע ברידער אַזוי ווי אײַך, און זיי אויך וועלן אַרבן דאָס לאַנד וואָס יהוה אײַער גאָט גיט זיי אויף יענער זייט יַרדן; דענסמאָל וועט איר זיך אומקערן איטלעכער צו זיין אַרב, וואָס איך האָב אײַך געגעבן. [21] און יהושוען האָב איך באַפוילן אין יענער צייט, אַזוי צו זאָגן: דיינע אויגן האָבן געזען אַלץ וואָס יהוה דיין גאָט־האָט געטאָן צו דידאָזיקע צוויי מלכים; אַזוי וועט גאָט טאָן צו אַלע קיניגרייכן וואָס דו גייסט אַהין אַריבער. [22] איר זאָלט ניט מורא האָבן פאַר זיי, וואָרום יהוה אײַער גאָט איז דער וואָס האַלט מלחמה פאַר אײַך.

# וָאֶתְחַנַּן

וָאֶתְחַנַּן אֶל־יְהוָה בָּעֵת הַהִוא לֵאמֹר׃ אֲדֹנָי יְהוִה אַתָּה כג כד
הַחִלּוֹתָ לְהַרְאוֹת אֶת־עַבְדְּךָ אֶת־גָּדְלְךָ וְאֶת־יָדְךָ הַחֲזָקָה

[23] און איך האָב געבעטן צו גאָט אין יענער צייט, אַזוי צו זאָגן: [24] גאָט דו האַר, דו האָסט אָנגעהויבן ווייזן דיין קנעכט דיין גרויסקייט און דיין שטאַרקע האַנט;

יא׳ כתיב היא

[א] יָאירס דערפער.

וואָרום ווער איז דער גאָט אין הימל אָדער אויף דער ערד וואָס זאָל טאָן אַזוי ווי דײַנע טואונגען און אַזוי ווי דײַנע גבורות? 25 לאָמיך אַריבערגיין, איך בעט דיך, און לאָמיך זען דאָס גוטע לאַנד וואָס אויף יענער זײַט יַרדן, דאָסדאָזיקע שײנע געבערג, און דעם לבָנון. 26 אָבער גאָט האָט געצערנט אויף מיר פון וועגן אײַך, און האָט ניט צוגעהערט צו מיר; און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: גענוג דיר! זאָלסט מער ניט רעדן צו מיר וועגן דערדאָזיקער זאַך. 27 גיי אַרויף צום שפּיץ פִּסגָה, און הייב אויף דײַנע אויגן צו מערב, און צו צפון, און צו דָרום, און צו מזרח, און קוק אָן מיט דײַנע אויגן, וואָרום וועסט ניט אַריבער־גיין דעמדאָזיקן יַרדן. 28 און גיב איבער דײַן צַוָאָה צו יהושוּען, און שטאַרק אים, און פעסטיק אים, וואָרום ער וועט אַריבערגיין פאַרויס פאַר דעמדאָזיקן פאָלק, און ער וועט זיי מאַכן אַרבן דאָס לאַנד וואָס דו וועסט זען..

29 און מיר זײַנען געבליבן אין טאָל אַקעגן בֵית־פְּעוֹר.

ד

1 און אַצונד, ישׂראל, הער צו די חוקים און די געזעצן וואָס איך לערן דיך צו טאָן, כּדי איר זאָלט לעבן, און קומען און אַרבן דאָס לאַנד וואָס יהוה דער גאָט פון אײַערע עלטערן גיט אײַך. 2 איר זאָלט ניט צולייגן צו דעם וואָרט וואָס איך געביט אײַך, און איר זאָלט ניט מינערן דערפון, כּדי צו היטן די געבאָט פון יהוה אײַער גאָט, וואָס איך געביט אײַך. 3 אײַערע אויגן האָבן געזען וואָס גאָט האָט געטאָן אין בַעַל־פְּעוֹר, אַז יעטוועדער מאַן וואָס איז געגאַנגען נאָך דעם בַעַל פון פְּעוֹר, האָט אים יהוה דײַן גאָט פאַרטיליקט פון צווישן דיר. 4 און איר, וואָס זײַט באַהעפט אָן יהוה אײַער גאָט, לעבט הײַנט אַלע. 5 זע, איך האָב אײַך געלערנט חוקים און געזעצן, אַזוי ווי יהוה מײַן גאָט האָט מיר באַפוילן, אויף צו טאָן אַזוי אין דעם לאַנד וואָס איר קומט אַהין, עס צו אַרבן. 6 זאָלט איר זיי היטן און טאָן, וואָרום דאָס איז אײַער קלוגשאַפט און אײַער פאַרשטאַנדיקייט אין די אויגן פון די אומות, וואָס אַז זיי וועלן הערן אַלע דידאָזיקע געזעצן, וועלן זיי זאָגן: פאַרוואָר, אַ קלוגע און פאַרשטאַנדיקע אומה איז דאָסדאָזיקע גרויסע פאָלק. 7 וואָרום וואָסער גרויס פאָלק איז פאַראַן, וואָס האָט אַ גאָט נאָענט צו אים אַזוי ווי יהוה אונדזער גאָט, ווען נאָר מיר רופן צו אים? 8 און וואָסער גרויס פאָלק איז פאַראַן, וואָס האָט חוקים און געזעצן גערעכטע אַזוי ווי דידאָזיקע גאַנצע תּורה, וואָס איך לייג פאַר אײַך הײַנטיקן טאָג? 9 נאָר זיי דיר אָפּגעהיט און היט זייער דײַן זעל, זאָלסט ניט פאַרגעסן די זאַכן וואָס דײַנע אויגן האָבן געזען,

אֲשֶׁר מִי־אֵל בַּשָּׁמַיִם וּבָאָרֶץ אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה כְמַעֲשֶׂיךָ
כה וְכִגְבוּרֹתֶךָ׃ אֶעְבְּרָה־נָּא וְאֶרְאֶה אֶת־הָאָרֶץ הַטּוֹבָה אֲשֶׁר
כו בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן הָהָר הַטּוֹב הַזֶּה וְהַלְּבָנֹן׃ וַיִּתְעַבֵּר יְהוָה בִּי
לְמַעַנְכֶם וְלֹא שָׁמַע אֵלָי וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי רַב־לָךְ אַל־
כז תּוֹסֶף דַּבֵּר אֵלַי עוֹד בַּדָּבָר הַזֶּה׃ עֲלֵה ׀ רֹאשׁ הַפִּסְגָּה וְשָׂא
עֵינֶיךָ יָמָּה וְצָפֹנָה וְתֵימָנָה וּמִזְרָחָה וּרְאֵה בְעֵינֶיךָ כִּי־לֹא
כח תַעֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה׃ וְצַו אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וְחַזְּקֵהוּ וְאַמְּצֵהוּ
כִּי־הוּא יַעֲבֹר לִפְנֵי הָעָם הַזֶּה וְהוּא יַנְחִיל אוֹתָם אֶת־הָאָרֶץ
כט אֲשֶׁר תִּרְאֶה׃ וַנֵּשֶׁב בַּגָּיְא מוּל בֵּית פְּעוֹר׃ פ

ד

א וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל שְׁמַע אֶל־הַחֻקִּים וְאֶל־הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר
אָנֹכִי מְלַמֵּד אֶתְכֶם לַעֲשׂוֹת לְמַעַן תִּחְיוּ וּבָאתֶם וִירִשְׁתֶּם
ב אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֵיכֶם נֹתֵן לָכֶם׃ לֹא
תֹסִפוּ עַל־הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם וְלֹא תִגְרְעוּ
מִמֶּנּוּ לִשְׁמֹר אֶת־מִצְוֹת יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה
ג אֶתְכֶם׃ עֵינֵיכֶם הָרֹאוֹת אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה יְהוָה בְּבַעַל
פְּעוֹר כִּי כָל־הָאִישׁ אֲשֶׁר הָלַךְ אַחֲרֵי בַעַל־פְּעוֹר הִשְׁמִידוֹ
ד יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מִקִּרְבֶּךָ׃ וְאַתֶּם הַדְּבֵקִים בַּיהוָה אֱלֹהֵיכֶם
שני חַיִּים כֻּלְּכֶם הַיּוֹם׃ רְאֵה ׀ לִמַּדְתִּי אֶתְכֶם חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים
כַּאֲשֶׁר צִוַּנִי יְהוָה אֱלֹהָי לַעֲשׂוֹת כֵּן בְּקֶרֶב הָאָרֶץ אֲשֶׁר
ו אַתֶּם בָּאִים שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ׃ וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם כִּי הִוא
חָכְמַתְכֶם וּבִינַתְכֶם לְעֵינֵי הָעַמִּים אֲשֶׁר יִשְׁמְעוּן אֵת
כָּל־הַחֻקִּים הָאֵלֶּה וְאָמְרוּ רַק עַם־חָכָם וְנָבוֹן הַגּוֹי
ז הַגָּדוֹל הַזֶּה׃ כִּי מִי־גוֹי גָּדוֹל אֲשֶׁר־לוֹ אֱלֹהִים קְרֹבִים
ח אֵלָיו כַּיהוָה אֱלֹהֵינוּ בְּכָל־קָרְאֵנוּ אֵלָיו׃ וּמִי גּוֹי גָּדוֹל
אֲשֶׁר־לוֹ חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים צַדִּיקִם כְּכֹל הַתּוֹרָה הַזֹּאת
ט אֲשֶׁר אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם׃ רַק הִשָּׁמֶר לְךָ וּשְׁמֹר
נַפְשְׁךָ מְאֹד פֶּן־תִּשְׁכַּח אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר־רָאוּ עֵינֶיךָ

וּפֶן־יָסוּרוּ מִלְּבָבְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ וְהוֹדַעְתָּם לְבָנֶיךָ וְלִבְנֵי
בָנֶיךָ: יוֹם אֲשֶׁר עָמַדְתָּ לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּחֹרֵב בֶּאֱמֹר י
יְהוָה אֵלַי הַקְהֶל־לִי אֶת־הָעָם וְאַשְׁמִעֵם אֶת־דְּבָרָי אֲשֶׁר
יִלְמְדוּן לְיִרְאָה אֹתִי כָּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר הֵם חַיִּים עַל־
הָאֲדָמָה וְאֶת־בְּנֵיהֶם יְלַמֵּדוּן: וַתִּקְרְבוּן וַתַּעַמְדוּן תַּחַת יא
הָהָר וְהָהָר בֹּעֵר בָּאֵשׁ עַד־לֵב הַשָּׁמַיִם חֹשֶׁךְ עָנָן וַעֲרָפֶל:
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֲלֵיכֶם מִתּוֹךְ הָאֵשׁ קוֹל דְּבָרִים אַתֶּם יב
שֹׁמְעִים וּתְמוּנָה אֵינְכֶם רֹאִים זוּלָתִי קוֹל: וַיַּגֵּד לָכֶם יג
אֶת־בְּרִיתוֹ אֲשֶׁר צִוָּה אֶתְכֶם לַעֲשׂוֹת עֲשֶׂרֶת הַדְּבָרִים
וַיִּכְתְּבֵם עַל־שְׁנֵי לֻחוֹת אֲבָנִים: וְאֹתִי צִוָּה יְהוָה בָּעֵת יד
הַהִוא לְלַמֵּד אֶתְכֶם חֻקִּים וּמִשְׁפָּטִים לַעֲשֹׂתְכֶם אֹתָם
בָּאָרֶץ אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ: וְנִשְׁמַרְתֶּם טו
מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם כִּי לֹא רְאִיתֶם כָּל־תְּמוּנָה בְּיוֹם דִּבֶּר
יְהוָה אֲלֵיכֶם בְּחֹרֵב מִתּוֹךְ הָאֵשׁ: פֶּן־תַּשְׁחִתוּן וַעֲשִׂיתֶם טז
לָכֶם פֶּסֶל תְּמוּנַת כָּל־סָמֶל תַּבְנִית זָכָר אוֹ נְקֵבָה: תַּבְנִית יז
כָּל־בְּהֵמָה אֲשֶׁר בָּאָרֶץ תַּבְנִית כָּל־צִפּוֹר כָּנָף אֲשֶׁר תָּעוּף
בַּשָּׁמָיִם: תַּבְנִית כָּל־רֹמֵשׂ בָּאֲדָמָה תַּבְנִית כָּל־דָּגָה אֲשֶׁר־ יח
בַּמַּיִם מִתַּחַת לָאָרֶץ: וּפֶן־תִּשָּׂא עֵינֶיךָ הַשָּׁמַיְמָה וְרָאִיתָ יט
אֶת־הַשֶּׁמֶשׁ וְאֶת־הַיָּרֵחַ וְאֶת־הַכּוֹכָבִים כֹּל צְבָא הַשָּׁמַיִם
וְנִדַּחְתָּ וְהִשְׁתַּחֲוִיתָ לָהֶם וַעֲבַדְתָּם אֲשֶׁר חָלַק יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
אֹתָם לְכֹל הָעַמִּים תַּחַת כָּל־הַשָּׁמָיִם: וְאֶתְכֶם לָקַח יְהוָה כ
וַיּוֹצִא אֶתְכֶם מִכּוּר הַבַּרְזֶל מִמִּצְרָיִם לִהְיוֹת לוֹ לְעַם נַחֲלָה
כַּיּוֹם הַזֶּה: וַיהוָה הִתְאַנַּף־בִּי עַל־דִּבְרֵיכֶם וַיִּשָּׁבַע לְבִלְתִּי כא
עָבְרִי אֶת־הַיַּרְדֵּן וּלְבִלְתִּי־בֹא אֶל־הָאָרֶץ הַטּוֹבָה אֲשֶׁר
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה: כִּי אָנֹכִי מֵת בָּאָרֶץ הַזֹּאת כב
אֵינֶנִּי עֹבֵר אֶת־הַיַּרְדֵּן וְאַתֶּם עֹבְרִים וִירִשְׁתֶּם אֶת־הָאָרֶץ
הַטּוֹבָה הַזֹּאת: הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן־תִּשְׁכְּחוּ אֶת־בְּרִית יְהוָה כג
אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר כָּרַת עִמָּכֶם וַעֲשִׂיתֶם לָכֶם פֶּסֶל תְּמוּנַת

און זיי זאָלן ניט אָפּגעטאָן ווערן פון דיין האַרצן אַלע טעג פון דיין לעבן, און זאָלסט זיי מאַכן וויסן דיינע קינדער און דיינע קינדסקינדער; 10 דעם טאָג וואָס דו ביסט געשטאַנען פאַר יהוה דיין גאָט אין חורב, ווען גאָט האָט צו מיר געזאָגט: זאַמל איין צו מיר דאָס פאָלק, און איך וועל זיי לאָזן הערן מיינע ווערטער, כּדי זיי זאָלן לערנען מורא צו האָבן פאַר מיר אַלע טעג וואָס זיי לעבן אויף דער ערד, און אויך זייערע קינדער זאָלן זיי לערנען. 11 און איר האָט גענענט, און האָט זיך געשטעלט אונטערן באַרג, און דער באַרג האָט געברענט מיט פייער ביזן האַרצן פון הימל, מיט פינצטערניש, וואָלקן, און נעבל. 12 און גאָט האָט צו אייך גערעדט פון מיטן פייער; אַ קול פון ווערטער האָט איר געהערט, אָבער אַ געשטאַלט האָט איר ניט געזען; בלויז אַ קול. 13 און ער האָט אייך אָנגעזאָגט זיין בונד וואָס ער האָט אייך באַפוילן צו טאָן–די צען געבאָט; און ער האָט זיי אויפגעשריבן אויף צוויי שטיינערנע לוחות. 14 און מיר האָט גאָט באַפוילן אין יענער צייט אייך צו לערנען חוקים און געזעצן, כּדי איר זאָלט זיי טאָן אין דעם לאַנד וואָס איר גייט אַריבער אַהין, עס צו אַרבן. 15 דרום זאָלט איר זייער היטן אייער זעל– וואָרום איר האָט ניט געזען קיין געשטאַלט אין דעם טאָג וואָס גאָט האָט גערעדט צו אייך אין חורב פון מיטן פייער– 16 אַז איר זאָלט ניט פאַרדאַרבן ווערן און אייך מאַכן אַ געשניץ, די גלייכעניש פון אַ שום בילד, די געשטאַלט פון אַ זכר אָדער אַ נקבה, 17 די געשטאַלט פון אַ שום בהמה וואָס אויף דער ערד, די געשטאַלט פון אַ שום געפליגלטן פויגל וואָס פליט אין הימל, 18 די געשטאַלט פון וואָס נאָר עס קריכט אויף דער ערד, די געשטאַלט פון אַ שום פיש וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד. 19 און אַז דו וועסט אויפהייבן דיינע אויגן צום הימל, און זען די זון און די לבנה און די שטערן, דעם גאַנצן חיל פון הימל, זאָלסטו ניט אַראָפּגעפירט ווערן, און זיך בוקן צו זיי, און דינען זיי, וואָס יהוה דיין גאָט האָט זיי צוגעטיילט צו אַלע פעלקער אונטערן גאַנצן הימל. 20 אָבער אייך האָט גאָט גענומען, און אייך אַרויסגעצויגן פון דעם אייזנשמעלצאויוון, פון מצרים, אים צו זיין פאַר אַן אַרבפאָלק, אַזוי ווי היינטיקן טאָג. 21 און גאָט האָט געצערנט אויף מיר פון אייערטוועגן, און ער האָט געשוואָרן אַז איך זאָל ניט אַריבערגיין דעם ירדן, און ניט קומען אין דעם גוטן לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר פאַר אַ נחלה. 22 וואָרום איך שטאַרב אין דעם היגן לאַנד; איך גיי ניט אַריבער דעם ירדן, אָבער איר וועט אַריבערגיין, און וועט אַרבן דאָסדאָזיקע גוטע לאַנד. 23 היט אייך, איר זאָלט ניט פאַרגעסן דעם בונד פון יהוה אייער גאָט, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט אייך, און אייך מאַכן אַ געשניץ, די געשטאַלט

כד כֹּל אֲשֶׁר צִוְּךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ כִּי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֵשׁ אֹכְלָה
הוּא אֵל קַנָּא׃ פ
כה כִּי־תוֹלִיד בָּנִים וּבְנֵי בָנִים וְנוֹשַׁנְתֶּם בָּאָרֶץ וְהִשְׁחַתֶּם
וַעֲשִׂיתֶם פֶּסֶל תְּמוּנַת כֹּל וַעֲשִׂיתֶם הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה־
כו אֱלֹהֶיךָ לְהַכְעִיסוֹ׃ הַעִידֹתִי בָכֶם הַיּוֹם אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־
הָאָרֶץ כִּי־אָבֹד תֹּאבֵדוּן מַהֵר מֵעַל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתֶּם
עֹבְרִים אֶת־הַיַּרְדֵּן שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ לֹא־תַאֲרִיכֻן יָמִים
כז עָלֶיהָ כִּי הִשָּׁמֵד תִּשָּׁמֵדוּן׃ וְהֵפִיץ יְהוָה אֶתְכֶם בָּעַמִּים
וְנִשְׁאַרְתֶּם מְתֵי מִסְפָּר בַּגּוֹיִם אֲשֶׁר יְנַהֵג יְהוָה אֶתְכֶם
כח שָׁמָּה׃ וַעֲבַדְתֶּם־שָׁם אֱלֹהִים מַעֲשֵׂה יְדֵי אָדָם עֵץ וָאֶבֶן
אֲשֶׁר לֹא־יִרְאוּן וְלֹא יִשְׁמְעוּן וְלֹא יֹאכְלוּן וְלֹא יְרִיחֻן׃
כט וּבִקַּשְׁתֶּם מִשָּׁם אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וּמָצָאתָ כִּי תִדְרְשֶׁנּוּ
ל בְּכָל־לְבָבְךָ וּבְכָל־נַפְשֶׁךָ׃ בַּצַּר לְךָ וּמְצָאוּךָ כֹּל הַדְּבָרִים
הָאֵלֶּה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים וְשַׁבְתָּ עַד־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ
לא בְּקֹלוֹ׃ כִּי אֵל רַחוּם יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַשְׁחִיתֶךָ
לב וְלֹא יִשְׁכַּח אֶת־בְּרִית אֲבֹתֶיךָ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לָהֶם׃ כִּי
שְׁאַל־נָא לְיָמִים רִאשֹׁנִים אֲשֶׁר־הָיוּ לְפָנֶיךָ לְמִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר
בָּרָא אֱלֹהִים ׀ אָדָם עַל־הָאָרֶץ וּלְמִקְצֵה הַשָּׁמַיִם וְעַד־קְצֵה
הַשָּׁמָיִם הֲנִהְיָה כַּדָּבָר הַגָּדוֹל הַזֶּה אוֹ הֲנִשְׁמַע כָּמֹהוּ׃
לג הֲשָׁמַע עָם קוֹל אֱלֹהִים מְדַבֵּר מִתּוֹךְ־הָאֵשׁ כַּאֲשֶׁר־שָׁמַעְתָּ
לד אַתָּה וַיֶּחִי׃ אוֹ ׀ הֲנִסָּה אֱלֹהִים לָבוֹא לָקַחַת לוֹ גוֹי מִקֶּרֶב
גּוֹי בְּמַסֹּת בְּאֹתֹת וּבְמוֹפְתִים וּבְמִלְחָמָה וּבְיָד חֲזָקָה
וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה וּבְמוֹרָאִים גְּדֹלִים כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה לָכֶם
לה יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם בְּמִצְרַיִם לְעֵינֶיךָ׃ אַתָּה הָרְאֵתָ לָדַעַת כִּי
לו יְהוָה הוּא הָאֱלֹהִים אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ׃ מִן־הַשָּׁמַיִם הִשְׁמִיעֲךָ
אֶת־קֹלוֹ לְיַסְּרֶךָּ וְעַל־הָאָרֶץ הֶרְאֲךָ אֶת־אִשּׁוֹ הַגְּדוֹלָה
לז וּדְבָרָיו שָׁמַעְתָּ מִתּוֹךְ הָאֵשׁ׃ וְתַחַת כִּי אָהַב אֶת־אֲבֹתֶיךָ

כג׳ סבירין כאשר    לג׳ כציל

פון וואָס עס איז, וואָס יהוה דײַן גאָט האָט דיר פֿאַרווערט. 24 וואָרום יהוה דײַן גאָט איז אַ פֿײַער וואָס פֿאַרצערט, אַ צערנדיקער גאָט.

25 אַז דו וועסט געבערן קינדער און קינדסקינדער, און איר וועט זיך עלטערן אין לאַנד, און איר וועט פֿאַרדאָרבן ווערן, און וועט מאַכן אַ געשניץ, אַ געשטאַלט פֿון וואָס עס איז, און איר וועט טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פֿון יהוה דײַן גאָט, אים צו דערצערענען, 26 מאַך איך הײַנט הימל און ערד עדות קעגן אײַך, אַז אונטערגיין וועט איר גיך אונטערגיין פֿון דעם לאַנד וואָס איר גייט אַריבער דעם יַרדן אַהין, עס צו אַרבן; איר וועט ניט מאַריך־יָמים זײַן דרינען, נײַערט פֿאַרטיליקט וועט איר פֿאַרטיליקט ווערן. 27 און גאָט וועט אײַך צעשפּרייטן צווישן די אומות, און איר וועט בלײַבן געציילטע מענטשן צווישן די פֿעלקער, וואָס גאָט וועט אײַך אַהין אַוועקפֿירן. 28 און איר וועט דאָרטן דינען געטער געמאַכט פֿון אַ מענטשנס הענט, האָלץ און שטיין, וואָס ניט זיי זעען, און ניט זיי הערן, און ניט זיי עסן, און ניט זיי שמעקן. 29 און איר וועט זוכן פֿון דאָרטן יהוה אײַער גאָט; און וועסט אים געפֿינען, אַז דו וועסט אים זוכן מיט דײַן גאַנצן האַרצן, און מיט דײַן גאַנצער זעל. 30 אַז דיך וועט צודריקן, און דיך וועלן טרעפֿן אַלע דיזאָזיקע זאַכן, אין סוף פֿון די טעג, וועסטו זיך אומקערן צו יהוה דײַן גאָט, און וועסט צוהערן צו זײַן קָול. 31 וואָרום יהוה דײַן גאָט איז אַ דערבאַרימדיקער גאָט; ער וועט דיך ניט פֿאַרלאָזן און דיך ניט אומברענגען, און ער וועט ניט פֿאַרגעסן דעם בונד מיט דײַנע עלטערן, וואָס ער האָט זיי געשוואָרן.

32 וואָרום פֿרעג אַקאָרשט נאָך אויף די פֿריערדיקע טעג וואָס זײַנען געווען פֿאַר דיר, פֿון זינט דעם טאָג וואָס גאָט האָט באַשאַפֿן אַ מענטשן אויף דער ערד, און פֿון עק הימל ביז עק הימל, אויב עס איז ווען געשען אַזוי ווי דיזאָזיקע גרויסע זאַך, אָדער אויב אַזוי־וואָס איז געהערט געוואָרן; 33 אויב אַ פֿאָלק האָט געהערט דעם קָול פֿון גאָט רעדן פֿון מיטן פֿײַער, אַזוי ווי דו האָסט געהערט, און איז געבליבן לעבן; 34 אָדער אויב אַ גאָט האָט געפּרוווט אַרויסנעמען פֿאַר זיך אַ פֿאָלק פֿון צווישן אַן [אַנדער] פֿאָלק, מיט פּרוּװוּנגען, מיט צייכנס, און מיט וווּנדער, און מיט מלחמה, און מיט אַ שטאַרקער האַנט, און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, און מיט גרויסע שרעקן, אַזוי ווי אַלץ וואָס יהוה אײַער גאָט האָט געטאָן פֿון אײַערטוועגן אין מִצרַיִם פֿאַר דײַנע אויגן. 35 דיר איז עס באַוויזן געוואָרן, כּדי זאָלסט וויסן אַז יהוה, ער איז גאָט; מער חוץ אים איז ניטאָ. 36 פֿון הימל האָט ער דיך געלאָזט הערן זײַן קָול, כּדי דיך צו לערנען, און אויף דער ערד האָט ער דיר באַוויזן זײַן גרויס פֿײַער, און זײַנע ווערטער האָסטו געהערט פֿון מיטן פֿײַער. 37 און דערפֿאַר וואָס ער האָט ליב געהאַט דײַנע עלטערן,

וַיִּבְחַר בְּזַרְעוֹ אַחֲרָיו וַיּוֹצִאֲךָ בְּפָנָיו בְּכֹחוֹ הַגָּדֹל מִמִּצְרָיִם׃
לְהוֹרִישׁ גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִמְּךָ מִפָּנֶיךָ לַהֲבִיאֲךָ לָתֶת־ לח
לְךָ אֶת־אַרְצָם נַחֲלָה כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם וַהֲשֵׁבֹתָ לט
אֶל־לְבָבֶךָ כִּי יְהוָה הוּא הָאֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל־
הָאָרֶץ מִתָּחַת אֵין עוֹד׃ וְשָׁמַרְתָּ אֶת־חֻקָּיו וְאֶת־מִצְוֹתָיו מ
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם אֲשֶׁר יִיטַב לְךָ וּלְבָנֶיךָ אַחֲרֶיךָ
וּלְמַעַן תַּאֲרִיךְ יָמִים עַל־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן
לְךָ כָּל־הַיָּמִים׃ פ
אָז יַבְדִּיל מֹשֶׁה שָׁלֹשׁ עָרִים בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִזְרְחָה שָׁמֶשׁ׃ שלי'
לָנֻס שָׁמָּה רוֹצֵחַ אֲשֶׁר יִרְצַח אֶת־רֵעֵהוּ בִּבְלִי־דַעַת מב
וְהוּא לֹא־שֹׂנֵא לוֹ מִתְּמֹל שִׁלְשֹׁם וְנָס אֶל־אַחַת מִן־הֶעָרִים
הָאֵל וָחָי׃ אֶת־בֶּצֶר בַּמִּדְבָּר בְּאֶרֶץ הַמִּישֹׁר לָראוּבֵנִי מג
וְאֶת־רָאמֹת בַּגִּלְעָד לַגָּדִי וְאֶת־גּוֹלָן בַּבָּשָׁן לַמְנַשִּׁי׃ וְזֹאת מד
הַתּוֹרָה אֲשֶׁר־שָׂם מֹשֶׁה לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ אֵלֶּה הָעֵדֹת מה
וְהַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
בְּצֵאתָם מִמִּצְרָיִם׃ בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּגַּיְא מוּל בֵּית פְּעוֹר מו
בְּאֶרֶץ סִיחֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר יוֹשֵׁב בְּחֶשְׁבּוֹן אֲשֶׁר
הִכָּה מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּצֵאתָם מִמִּצְרָיִם׃ וַיִּירְשׁוּ מז
אֶת־אַרְצוֹ וְאֶת־אֶרֶץ ׀ עוֹג מֶלֶךְ־הַבָּשָׁן שְׁנֵי מַלְכֵי הָאֱמֹרִי
אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִזְרַח שָׁמֶשׁ׃ מֵעֲרֹעֵר אֲשֶׁר עַל־ מח
שְׂפַת־נַחַל אַרְנֹן וְעַד־הַר שִׂיאֹן הוּא חֶרְמוֹן׃ וְכָל־ מט
הָעֲרָבָה עֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִזְרָחָה וְעַד יָם הָעֲרָבָה תַּחַת
אַשְׁדֹּת הַפִּסְגָּה׃ פ

ה

וַיִּקְרָא מֹשֶׁה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל רב'
אֶת־הַחֻקִּים וְאֶת־הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר אָנֹכִי דֹּבֵר בְּאָזְנֵיכֶם
הַיּוֹם וּלְמַדְתֶּם אֹתָם וּשְׁמַרְתֶּם לַעֲשֹׂתָם׃ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ ב

---

ד, מב׳ סבירין האלה   מג׳ בצ״ל

האָט ער אויסדערוויילט זייער זאָמען נאָך זיי, און האָט דיך אַרויסגעצויגן מיט זיין אָנגעזיכט, מיט זיין גרויס שטאַרקייט, פון מִצרַיִם, [38] צו פאַרטרייבן פון פאַר דיר פעלקער גרעסער און מאַכטיקער פון דיר, דיך צו ברענגען כדי דיר צו געבן זייער לאַנד פאַר אַ נחלה, אַזוי ווי היינטיקן טאָג. [39] און זאָלסט וויסן היינט, און אַריינ־נעמען אין דיין האַרצן, אַז יהוה, ער איז גאָט אין הימל אויבן, און אויף דער ערד אונטן; מער איז ניטאָ. [40] און זאָלסט היטן זיינע געזעצן און זיינע געבאָט, וואָס איך געביט דיר היינט, כדי עס זאָל גוט זיין דיר און דיינע קינדער נאָך דיר, און כדי זאָלסט מאַריך־יָמים זיין אויף דער ערד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר, שטענדיק.

[41] דענסמאָל האָט משה אָפּגעשיידט דריי שטעט אויף יענער זייט יַרדן צו זונאויפגאַנג, [42] אויף צו אַנטלויפן אַהין, פאַר דעם טויטשלעגער וואָס הרגעט זיין חבר אָן אַ כיוון, און ער איז אים ניט געווען אַ שונא פון נעכטן־אייערנעכטן; אַז ווען ער וועט אַנטלויפן אין איינער פון די דאָזיקע שטעט, זאָל ער בלייבן לעבן: [43] בֶּצֶר אין מדבר, אין דעם פלאַכלאַנד, פאַר די ראובֵנים, און ראָמוֹת אין גִלעָד, פאַר די גָדים, און גוֹלָן אין בָשָן, פאַר די מנַשים.

[44] און דאָס איז די תּורה וואָס משה האָט געלייגט פאַר די קינדער פון ישׂראל; [45] דאָס זיינען די אָנזאָגן און די חוקים און די געזעצן וואָס משה האָט גערעדט צו די קינדער פון ישׂראל, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם; [46] אויף יענער זייט יַרדן, אין טאָל אַקעגן בֵית־פְּעוֹר, אין לאַנד פון סיחוֹן דעם מלך פון אֶמוֹרי, וואָס איז געזעסן אין חֶשבּוֹן, דעם וואָס משה און די קינדער פון ישׂראל האָבן געשלאָגן, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם; [47] און זיי האָבן געאַרבט זיין לאַנד, און דאָס לאַנד פון עוֹג דעם מלך פון בָשָן—די צוויי מלכים פון אֱמוֹרי וואָס אויף יענער זייט יַרדן צו זונאויפגאַנג; [48] פון עֲרוֹעֵר וואָס ביים ברעג טאָל אַרנוֹן, און ביזן באַרג שִׂיאוֹן—דאָס איז חֶרמוֹן—[49] און דעם גאַנצן פלוין פון יענער זייט יַרדן צו מזרח, און ביז דעם ים פון פלוין, אונטער די אַראָפּגאַנגען פון פִּסגָה.

ה [1] און משה האָט צונויפגערופן גאַנץ ישׂראל, און האָט צו זיי געזאָגט: הער, ישׂראל, די חוקים און די געזעצן וואָס איך רעד היינט אין דיינע אויערן, און איר זאָלט זיי לערנען, און היטן זיי צו טאָן. [2] יהוה אונדזער גאָט

האָט געשלאָסן אַ בונד מיט אונדז אין חורב. [3] ניט מיט אונדזערע עלטערן האָט גאָט געשלאָסן דעמדאָזיקן בונד, נייערט מיט אונדז, מיר, אַט די וואָס זיינען דאָ היינט אַלע לעבעדיקע. [4] פּנים אל פּנים האָט גאָט גערעדט מיט אייך אויפן באַרג, פון מיטן פייער. [5] איך בין געשטאַנען צווישן גאָט און צווישן אייך אין יענער שעה, אייך איבערצוגעבן דאָס וואָרט פון גאָט;–וואָרום איר האָט מורא געהאַט פאַרן פייער, און איר זייט ניט אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג–אַזוי צו זאָגן:

[6] איך בין יהוה דיין גאָט, וואָס האָב דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט.

[7] זאָלסט ניט האָבן אַנדערע געטער פאַר מיין פּנים.

[8] זאָלסט דיר ניט מאַכן אַ געשניץ, אַ שום געשטאַלט, פון וואָס אין הימל אויבן, אָדער וואָס אויף דער ערד אונטן, אָדער וואָס אין וואַסער אונטער דער ערד. [9] זאָלסט זיך ניט בוקן צו זיי, און זאָלסט זיי ניט דינען, וואָרום איך יהוה דיין גאָט בין אַ צערנדיקער גאָט, וואָס רעכן זיך פאַר דער זינד פון די פאָטערס מיט די קינדער, און מיטן דריטן און מיטן פירטן דור פון די וואָס האָבן מיך פיינט, [10] און טו חסד מיטן טויזנטסטן גליד פון די וואָס האָבן מיך ליב, און פון די וואָס היטן מיינע געבאָט.

[11] זאָלסט ניט אַרויפברענגען דעם נאָמען פון יהוה דיין גאָט צום פאַלשן, וואָרום יהוה שענקט ניט דעם וואָס ברענגט אַרויף זיין נאָמען צום פאַלשן.

ג כָּרַת עִמָּנוּ בְּרִית בְּחֹרֵב׃ לֹא אֶת־אֲבֹתֵינוּ כָּרַת יְהֹוָה
אֶת־הַבְּרִית הַזֹּאת כִּי אִתָּנוּ אֲנַחְנוּ אֵלֶּה פֹה הַיּוֹם כֻּלָּנוּ
ד חַיִּים׃ פָּנִים ׀ בְּפָנִים דִּבֶּר יְהֹוָה עִמָּכֶם בָּהָר מִתּוֹךְ
ה הָאֵשׁ׃ אָנֹכִי עֹמֵד בֵּין־יְהֹוָה וּבֵינֵיכֶם בָּעֵת הַהִוא לְהַגִּיד
לָכֶם אֶת־דְּבַר יְהֹוָה כִּי יְרֵאתֶם מִפְּנֵי הָאֵשׁ וְלֹא־עֲלִיתֶם
ו בָהָר לֵאמֹר׃ ס אָנֹכִי יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ
ז מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים׃ לֹא־יִהְיֶה־לְךָ אֱלֹהִים
ח אֲחֵרִים עַל־פָּנָיַ׃ לֹא־תַעֲשֶׂה־לְךָ פֶסֶל ׀ כָּל־תְּמוּנָה אֲשֶׁר
בַּשָּׁמַיִם ׀ מִמַּעַל וַאֲשֶׁר בָּאָרֶץ מִתָּחַת וַאֲשֶׁר בַּמַּיִם ׀
ט מִתַּחַת לָאָרֶץ׃ לֹא־תִשְׁתַּחֲוֶה לָהֶם וְלֹא תָעָבְדֵם כִּי אָנֹכִי
יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ אֵל קַנָּא פֹּקֵד עֲוֺן אָבוֹת עַל־בָּנִים וְעַל־
י שִׁלֵּשִׁים וְעַל־רִבֵּעִים לְשֹׂנְאָי׃ וְעֹשֶׂה חֶסֶד לַאֲלָפִים
יא לְאֹהֲבַי וּלְשֹׁמְרֵי מִצְוֺתָו׃ ס לֹא תִשָּׂא אֶת־שֵׁם־יְהֹוָה
אֱלֹהֶיךָ לַשָּׁוְא כִּי לֹא יְנַקֶּה יְהֹוָה אֵת אֲשֶׁר־יִשָּׂא אֶת־שְׁמוֹ
יב לַשָּׁוְא׃ ס שָׁמוֹר אֶת־יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ כַּאֲשֶׁר צִוְּךָ ׀
יג יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ׃ שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבֹד וְעָשִׂיתָ כָּל־מְלַאכְתֶּךָ׃
יד וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת ׀ לַיהֹוָה אֱלֹהֶיךָ לֹא תַעֲשֶׂה כָל־
מְלָאכָה אַתָּה וּבִנְךָ־וּבִתֶּךָ וְעַבְדְּךָ־וַאֲמָתֶךָ וְשׁוֹרְךָ וַחֲמֹרְךָ
וְכָל בְּהֶמְתֶּךָ וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ לְמַעַן יָנוּחַ עַבְדְּךָ
טו וַאֲמָתְךָ כָּמוֹךָ׃ וְזָכַרְתָּ כִּי־עֶבֶד הָיִיתָ ׀ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם
וַיֹּצִאֲךָ יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ מִשָּׁם בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה עַל־
טז כֵּן צִוְּךָ יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ לַעֲשׂוֹת אֶת־יוֹם הַשַּׁבָּת׃ ס כַּבֵּד אֶת־
אָבִיךָ וְאֶת־אִמֶּךָ כַּאֲשֶׁר צִוְּךָ יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ לְמַעַן ׀ יַאֲרִיכֻן
יָמֶיךָ וּלְמַעַן יִיטַב לָךְ עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ
יז נֹתֵן לָךְ׃ ס לֹא תִּרְצָח׃ ס וְלֹא תִּנְאָף׃ ס וְלֹא
יח תִּגְנֹב׃ ס וְלֹא־תַעֲנֶה בְרֵעֲךָ עֵד שָׁוְא׃ ס וְלֹא
תַחְמֹד אֵשֶׁת רֵעֶךָ ס וְלֹא תִתְאַוֶּה בֵּית רֵעֶךָ שָׂדֵהוּ

׳ מצותי ק

[12] היט דעם טאָג פון שבת אים צו האַלטן הייליק, אַזוי ווי יהוה דיין גאָט האָט דיר באַפוילן. [13] זעקס טעג זאָלסטו אַרבעטן, און טאָן אַלע דיינע מלאָכות; [14] אָבער דער זיבעטער טאָג איז שבת צו יהוה דיין גאָט, זאָלסטו ניט טאָן קיין מלאָכה, דו, און דיין זון, און דיין טאָכטער, און דיין קנעכט, און דיין דינסט, און דיין אָקס, און דיין אייזל, און אַלע דיינע בהמות, און דער פרעמדער וואָס אין דיינע טויערן; כּדי דיין קנעכט און דיין דינסט זאָלן רוען אַזוי ווי דו. [15] און זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מִצרַיִם, און יהוה דיין גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגן פון דאָרטן מיט אַ שטאַרקער האַנט און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם; דרום האָט יהוה דיין גאָט דיר באַפוילן צו מאַכן דעם טאָג פון שבת.

[16] האַלט אין כּבוד דיין פאָטער און דיין מוטער, אַזוי ווי יהוה דיין גאָט האָט דיר באַפוילן, כּדי דיינע טעג זאָלן זיך לענגערן, און כּדי דיר זאָל גוט זיין, אויף דער ערד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר.

[17] זאָלסט ניט הרגען.
און זאָלסט ניט מזנה זיין.
און זאָלסט ניט גנבען.
און זאָלסט ניט זאָגן אויף דיין חבר פאַלשע עדות.

[18] און זאָלסט ניט גלוסטן דיין חברס ווייב, און זאָלסט ניט באַגערן דיין חברס הויז, זיין פעלד,

חמ׳ וְעַבְדּוֹ וַאֲמָתוֹ שׁוֹרוֹ וַחֲמֹרוֹ וְכֹל אֲשֶׁר לְרֵעֶךָ׃ ס אֶת־
הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה דִּבֶּר יְהוָה אֶל־כָּל־קְהַלְכֶם בָּהָר מִתּוֹךְ
הָאֵשׁ הֶעָנָן וְהָעֲרָפֶל קוֹל גָּדוֹל וְלֹא יָסָף וַיִּכְתְּבֵם עַל־
כ שְׁנֵי לֻחֹת אֲבָנִים וַיִּתְּנֵם אֵלָי׃ וַיְהִי כְּשָׁמְעֲכֶם אֶת־הַקּוֹל
מִתּוֹךְ הַחֹשֶׁךְ וְהָהָר בֹּעֵר בָּאֵשׁ וַתִּקְרְבוּן אֵלַי כָּל־רָאשֵׁי
כא שִׁבְטֵיכֶם וְזִקְנֵיכֶם׃ וַתֹּאמְרוּ הֵן הֶרְאָנוּ יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
אֶת־כְּבֹדוֹ וְאֶת־גָּדְלוֹ וְאֶת־קֹלוֹ שָׁמַעְנוּ מִתּוֹךְ הָאֵשׁ הַיּוֹם
כב הַזֶּה רָאִינוּ כִּי־יְדַבֵּר אֱלֹהִים אֶת־הָאָדָם וָחָי׃ וְעַתָּה לָמָּה
נָמוּת כִּי תֹאכְלֵנוּ הָאֵשׁ הַגְּדֹלָה הַזֹּאת אִם־יֹסְפִים ׀ אֲנַחְנוּ
כג לִשְׁמֹעַ אֶת־קוֹל יְהוָה אֱלֹהֵינוּ עוֹד וָמָתְנוּ׃ כִּי מִי כָל־
בָּשָׂר אֲשֶׁר שָׁמַע קוֹל אֱלֹהִים חַיִּים מְדַבֵּר מִתּוֹךְ־הָאֵשׁ
כד כָּמֹנוּ וַיֶּחִי׃ קְרַב אַתָּה וּשְׁמָע אֵת כָּל־אֲשֶׁר יֹאמַר יְהוָה
אֱלֹהֵינוּ וְאַתְּ ׀ תְּדַבֵּר אֵלֵינוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר יְדַבֵּר יְהוָה
כה אֱלֹהֵינוּ אֵלֶיךָ וְשָׁמַעְנוּ וְעָשִׂינוּ׃ וַיִּשְׁמַע יְהוָה אֶת־קוֹל
דִּבְרֵיכֶם בְּדַבֶּרְכֶם אֵלָי וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי שָׁמַעְתִּי אֶת־
קוֹל דִּבְרֵי הָעָם הַזֶּה אֲשֶׁר דִּבְּרוּ אֵלֶיךָ הֵיטִיבוּ כָּל־אֲשֶׁר
כו דִּבֵּרוּ׃ מִי־יִתֵּן וְהָיָה לְבָבָם זֶה לָהֶם לְיִרְאָה אֹתִי וְלִשְׁמֹר
אֶת־כָּל־מִצְוֺתַי כָּל־הַיָּמִים לְמַעַן יִיטַב לָהֶם וְלִבְנֵיהֶם
כז כח לְעֹלָם׃ לֵךְ אֱמֹר לָהֶם שׁוּבוּ לָכֶם לְאָהֳלֵיכֶם׃ וְאַתָּה פֹּה
עֲמֹד עִמָּדִי וַאֲדַבְּרָה אֵלֶיךָ אֵת כָּל־הַמִּצְוָה וְהַחֻקִּים
וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תְּלַמְּדֵם וְעָשׂוּ בָאָרֶץ אֲשֶׁר אָנֹכִי נֹתֵן
כט לָהֶם לְרִשְׁתָּהּ׃ וּשְׁמַרְתֶּם לַעֲשׂוֹת כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה
ל אֱלֹהֵיכֶם אֶתְכֶם לֹא תָסֻרוּ יָמִין וּשְׂמֹאל׃ בְּכָל־הַדֶּרֶךְ
אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֶתְכֶם תֵּלֵכוּ לְמַעַן תִּחְיוּן וְטוֹב
לָכֶם וְהַאֲרַכְתֶּם יָמִים בָּאָרֶץ אֲשֶׁר תִּירָשׁוּן׃

ו

א וְזֹאת הַמִּצְוָה הַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה

כד׳ המי בקמץ

אָדער זיין קנעכט, אָדער זיין דינסט, זיין אָקס, אָדער זיין אייזל, אָדער וואָס נאָר עס איז דיין חברס.

19 דידאָזיקע ווערטער האָט גאָט גערעדט צו אײַער גאַנצער אײַנזאַמלונג אויפן באַרג, פון מיטן פייער, וואָלקן, און נעבל, אויף אַ הויכן קול–און ניט מער; און ער האָט זיי אויפגעשריבן אויף צוויי שטיינערנע לוחות, און האָט זיי מיר געגעבן.

20 און עס איז געווען, ווי איר האָט געהערט דעם קול פון מיטן דער פינצטערניש, און דער באַרג האָט גע־ברענט אין פייער, אַזוי האָט איר גענענט צו מיר, אַלע הויפטלייט פון אײַערע שבטים, און אײַערע עלטסטע, 21 און איר האָט צו מיר געזאָגט: זע, יהוה אונדזער גאָט האָט אונדז באַוויזן זיין פראַכט און זיין גרויסקייט, און מיר האָבן געהערט זיין קול פון מיטן פייער. הייַנטיקן טאָג האָבן מיר געזען, ווי גאָט רעדט מיט אַ מענטשן און ער בלייבט לעבן. 22 און אַצונד, נאָך וואָס זאָלן מיר שטאַרבן? וואָרום דאָסדאָזיקע גרויסע פייער וועט אונדז פאַרצערן; אויב מיר הערן נאָך ווייטער דעם קול פון יהוה אונדזער גאָט, וועלן מיר שטאַרבן. 23 וואָרום וואָסער גאָר באַשעפעניש איז דאָ, וואָס האָט געהערט דעם קול פון לעבעדיקן גאָט רעדן פון מיטן פייער, אַזוי ווי מיר, און איז געבליבן לעבן? 24 גענען דו, און הער אַלץ וואָס יהוה אונדזער גאָט וועט זאָגן, און דו וועסט רעדן צו אונדז אַלץ וואָס יהוה אונדזער גאָט וועט רעדן צו דיר, און מיר וועלן הערן און טאָן.

25 און גאָט האָט צוגעהערט דעם קול פון אײַערע ווערטער, ווען איר האָט גערעדט צו מיר, און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: איך האָב צוגעהערט דעם קול פון די ווערטער פון דעמדאָזיקן פאָלק, וואָס זיי האָבן צו דיר גערעדט; גוט איז אַלץ וואָס זיי האָבן גערעדט. 26 הלוואַי זאָל ביי זיי זיין דאָסדאָזיקע האַרץ זייערס אַלע טעג, מורא צו האָבן פאַר מיר, און צו היטן אַלע מיינע געבאָט, כדי עס זאָל גוט זיין זיי און זייערע קינדער אויף אייביק. 27 גיי זאָג צו זיי: קערט אײַך אום צו אײַערע געצעלטן. 28 און דו שטיי דאָ מיט מיר, און איך וועל דיר זאָגן אַלדאָס געבאָט און די חוקים און די געזעצן וואָס דו זאָלסט זיי לערנען, אַז זיי זאָלן טאָן אין דעם לאַנד וואָס איך גיב זיי, עס צו אַרבן. 29 און איר זאָלט היטן צו טאָן אַזוי ווי יהוה אײַער גאָט האָט אײַך באַפוילן, איר זאָלט אײַך ניט אָפּקערן רעכטס אָדער לינקס. 30 אויף אַלדעם וועג וואָס יהוה אײַער גאָט האָט אײַך באַפוילן, זאָלט איר גיין, כדי איר זאָלט לעבן, און אײַך זאָל גוט זיין, און איר זאָלט מאַריך־ימים זיין אין דעם לאַנד וואָס איר וועט אַרבן.

ו 1 און דאָס איז דאָס געבאָט, די חוקים, און די געזעצן, וואָס יהוה אײַער גאָט האָט באַפוילן אײַך

אֱלֹהֵיכֶם לְלַמֵּד אֶתְכֶם לַעֲשׂוֹת בָּאָרֶץ אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים
ב שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ׃ לְמַעַן תִּירָא אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹר
אֶת־כָּל־חֻקֹּתָיו וּמִצְוֹתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּךָ אַתָּה וּבִנְךָ
ג וּבֶן־בִּנְךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ וּלְמַעַן יַאֲרִכֻן יָמֶיךָ׃ וְשָׁמַעְתָּ
יִשְׂרָאֵל וְשָׁמַרְתָּ לַעֲשׂוֹת אֲשֶׁר יִיטַב לְךָ וַאֲשֶׁר תִּרְבּוּן
מְאֹד כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֶיךָ לָךְ אֶרֶץ זָבַת
חָלָב וּדְבָשׁ׃ פ
ששי ה שְׁמַע יִשְׂרָאֵל יְהוָה אֱלֹהֵינוּ יְהוָה ׀ אֶחָד׃ וְאָהַבְתָּ אֵת
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכָל־לְבָבְךָ וּבְכָל־נַפְשְׁךָ וּבְכָל־מְאֹדֶךָ׃
ו וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם עַל־לְבָבֶךָ׃
ז וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ וּבְלֶכְתְּךָ
ח בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ׃ וּקְשַׁרְתָּם לְאוֹת עַל־יָדֶךָ וְהָיוּ
ט לְטֹטָפֹת בֵּין עֵינֶיךָ׃ וּכְתַבְתָּם עַל־מְזֻזוֹת בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ׃
י ס וְהָיָה כִּי־יְבִיאֲךָ ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע
לַאֲבֹתֶיךָ לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב לָתֶת לָךְ עָרִים
יא גְּדֹלֹת וְטֹבֹת אֲשֶׁר לֹא־בָנִיתָ׃ וּבָתִּים מְלֵאִים כָּל־טוּב
אֲשֶׁר לֹא־מִלֵּאתָ וּבֹרֹת חֲצוּבִים אֲשֶׁר לֹא־חָצַבְתָּ כְּרָמִים
יב וְזֵיתִים אֲשֶׁר לֹא־נָטָעְתָּ וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ׃ הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן
תִּשְׁכַּח אֶת־יְהוָה אֲשֶׁר הוֹצִיאֲךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית
יג עֲבָדִים׃ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ תִּירָא וְאֹתוֹ תַעֲבֹד וּבִשְׁמוֹ
יד תִּשָּׁבֵעַ׃ לֹא תֵלְכוּן אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים מֵאֱלֹהֵי הָעַמִּים
טו אֲשֶׁר סְבִיבוֹתֵיכֶם׃ כִּי אֵל קַנָּא יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּקִרְבֶּךָ
פֶּן־יֶחֱרֶה אַף־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בָּךְ וְהִשְׁמִידְךָ מֵעַל פְּנֵי
טז הָאֲדָמָה׃ ס לֹא תְנַסּוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם כַּאֲשֶׁר
יז נִסִּיתֶם בַּמַּסָּה׃ שָׁמוֹר תִּשְׁמְרוּן אֶת־מִצְוֹת יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
יח וְעֵדֹתָיו וְחֻקָּיו אֲשֶׁר צִוָּךְ׃ וְעָשִׂיתָ הַיָּשָׁר וְהַטּוֹב בְּעֵינֵי
יְהוָה לְמַעַן יִיטַב לָךְ וּבָאתָ וְיָרַשְׁתָּ אֶת־הָאָרֶץ הַטֹּבָה

ד׳ע ד׳ רבתי   יא׳ ב׳ טעמים

צו לערנען, אויף צו טאָן אין דעם לאַנד וואָס איר גייט אַריבער אַהין, עס צו אַרבן; 2 כּדי זאָלסט מורא האָבן פאַר יהוה דיין גאָט, צו היטן אַלע זיינע געזעצן און זיינע געבאָט וואָס איך געביט דיר, דו, און דיין זון, און דיין זונס זון, אַלע טעג פון דיין לעבן, און כּדי דיינע טעג זאָלן זיך לענגערן. 3 און זאָלסט הערן, ישׂראל, און היטן צו טאָן, כּדי דיר זאָל גוט זיין, און כּדי איר זאָלט אײַך מערן זייער, אַזוי ווי יהוה דער גאָט פון דיינע עלטערן האָט דיר צוגע־זאָגט—אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק.

4 הער, ישׂראל: יהוה אונדזער גאָט, יהוה איז איינער. 5 און זאָלסט ליב האָבן יהוה דיין גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער זעל, און מיט דיין גאַנצן כּוח. 6 און די דאָזיקע ווערטער וואָס איך באַפעל דיר היינט, זאָלן זיין אין דיין האַרצן; 7 און זאָלסט זיי אײַנשאַרפן דיינע קינדער, און זאָלסט רעדן פון זיי ווען דו זיצסט אין דיין הויז, און ווען דו גייסט אין וועג, און ווען דו לייגסט זיך, און ווען דו שטייסט אויף. 8 און זאָלסט זיי אָנבינדן פאַר אַ צייכן אויף דיין האַנט, און זיי זאָלן זיין פאַר אַ שטערנבאַנד צווישן דיינע אויגן. 9 און זאָלסט זיי אויפשרייבן אויף די בייסטידלעך פון דיין הויז, און אויף דיינע טויערן.

10 און עס וועט זיין, אַז יהוה דיין גאָט וועט דיך ברענגען אין דעם לאַנד וואָס ער האָט געשוואָרן צו דיינע עלטערן, צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן, דיר צו געבן—גרויסע און שיינע שטעט, וואָס דו האָסט ניט געבויט, 11 און הייזער פול מיט כּל־טוב, וואָס דו האָסט ניט אָנ־געפילט, און אויסגעהאַקטע ברונעמער, וואָס דו האָסט ניט אויסגעהאַקט, וויינגערטנער און איילבערטגערטנער, וואָס דו האָסט ניט געפלאַנצט, און דו וועסט עסן און זאַט זיין, 12 היט דיך, זאָלסט ניט פאַרגעסן אָן יהוה, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט. 13 פאַר יהוה דיין גאָט זאָלסטו מורא האָבן, און אים זאָלסטו דינען, און ביי זיין נאָמען זאָלסטו שווערן. 14 איר זאָלט ניט גיין נאָך פרעמדע געטער, פון די געטער פון די פעלקער וואָס אַרום אײַך; 15 וואָרום אַ צערנדיקער גאָט איז יהוה דיין גאָט צווישן דיר; טאָמער וועט גרימען דער צאָרן פון יהוה דיין גאָט אויף דיר, און ער וועט דיך פאַרטיליקן פון דעם געזיכט פון דער ערד.

16 איר זאָלט ניט פרוּוון יהוה אײַער גאָט, אַזוי ווי איר האָט אים געפרוּווט אין מַסָה. 17 היטן זאָלט איר היטן די געבאָט פון יהוה אײַער גאָט, און זיינע אָנזאָגן און זיינע געזעצן, וואָס ער האָט דיר באַפוילן. 18 און זאָלסט טאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק און גוט אין די אויגן פון גאָט, כּדי דיר זאָל גוט זיין, און זאָלסט קומען און אַרבן דאָס גוטע לאַנד וואָס

אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבֹתֶיךָ׃ לַהֲדֹף אֶת־כָּל־אֹיְבֶיךָ מִפָּנֶיךָ יט
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה׃ ס כִּי־יִשְׁאָלְךָ בִנְךָ מָחָר לֵאמֹר כ
מָה הָעֵדֹת וְהַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
אֶתְכֶם׃ וְאָמַרְתָּ לְבִנְךָ עֲבָדִים הָיִינוּ לְפַרְעֹה בְּמִצְרָיִם כא
וַיֹּצִיאֵנוּ יְהוָה מִמִּצְרַיִם בְּיָד חֲזָקָה׃ וַיִּתֵּן יְהוָה אוֹתֹת כב
וּמֹפְתִים גְּדֹלִים וְרָעִים ׀ בְּמִצְרַיִם בְּפַרְעֹה וּבְכָל־בֵּיתוֹ
לְעֵינֵינוּ׃ וְאוֹתָנוּ הוֹצִיא מִשָּׁם לְמַעַן הָבִיא אֹתָנוּ לָתֶת כג
לָנוּ אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֵינוּ׃ וַיְצַוֵּנוּ יְהוָה לַעֲשׂוֹת כד
אֶת־כָּל־הַחֻקִּים הָאֵלֶּה לְיִרְאָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ לְטוֹב
לָנוּ כָּל־הַיָּמִים לְחַיֹּתֵנוּ כְּהַיּוֹם הַזֶּה׃ וּצְדָקָה תִּהְיֶה־לָּנוּ כִּי־ כה
נִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת אֶת־כָּל־הַמִּצְוָה הַזֹּאת לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
כַּאֲשֶׁר צִוָּנוּ׃ ס

## ז

כִּי יְבִיאֲךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־אַתָּה בָא־שָׁמָּה שב'
לְרִשְׁתָּהּ וְנָשַׁל גּוֹיִם־רַבִּים ׀ מִפָּנֶיךָ הַחִתִּי וְהַגִּרְגָּשִׁי וְהָאֱמֹרִי
וְהַכְּנַעֲנִי וְהַפְּרִזִּי וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי שִׁבְעָה גוֹיִם רַבִּים וַעֲצוּמִים
מִמֶּךָּ׃ וּנְתָנָם יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְפָנֶיךָ וְהִכִּיתָם הַחֲרֵם ב
תַּחֲרִים אֹתָם לֹא־תִכְרֹת לָהֶם בְּרִית וְלֹא תְחָנֵּם׃ וְלֹא ג
תִתְחַתֵּן בָּם בִּתְּךָ לֹא־תִתֵּן לִבְנוֹ וּבִתּוֹ לֹא־תִקַּח לִבְנֶךָ׃
כִּי־יָסִיר אֶת־בִּנְךָ מֵאַחֲרַי וְעָבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְחָרָה ד
אַף־יְהוָה בָּכֶם וְהִשְׁמִידְךָ מַהֵר׃ כִּי אִם־כֹּה תַעֲשׂוּ לָהֶם ה
מִזְבְּחֹתֵיהֶם תִּתֹּצוּ וּמַצֵּבֹתָם תְּשַׁבֵּרוּ וַאֲשֵׁירֵהֶם תְּגַדֵּעוּן
וּפְסִילֵיהֶם תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ׃ כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַיהוָה ו
אֱלֹהֶיךָ בְּךָ בָּחַר ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לִהְיוֹת לוֹ לְעַם סְגֻלָּה
מִכֹּל הָעַמִּים אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ לֹא מֵרֻבְּכֶם מִכָּל־ ז
הָעַמִּים חָשַׁק יְהוָה בָּכֶם וַיִּבְחַר בָּכֶם כִּי־אַתֶּם הַמְעַט
מִכָּל־הָעַמִּים׃ כִּי מֵאַהֲבַת יְהוָה אֶתְכֶם וּמִשָּׁמְרוֹ אֶת־ ח
הַשְּׁבֻעָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֵיכֶם הוֹצִיא יְהוָה אֶתְכֶם בְּיָד

גאָט האָט צוגעשוואָרן דיינע עלטערן, 19 אַרויסשטויסנדיק אַלע דיינע פיינט פון פאַר דיר, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.

20 אַז דיין זון וועט דיך שפּעטער אַהין פרעגן, אַזוי צו זאָגן: וואָס זיינען דאָס פאַר אָנזאָגן און חוקים און געזעצן, וואָס יהוה אונדזער גאָט האָט אַייך באַפוילן? 21 זאָלסטו זאָגן צו דיין זון: קנעכט זיינען מיר געווען ביי פּרעהן אין מִצרַיִם, און גאָט האָט אונדז אַרויסגעצויגן פון מִצרַיִם מיט אַ שטאַרקער האַנט. 22 און גאָט האָט געטאָן צייכנס און גרויסע און בייזע וווּנדער אין מִצרַיִם, אויף פּרעהן און אויף זיין גאַנצן הויז, פאַר אונדזערע אויגן. 23 און אונדז האָט ער אַרויסגעצויגן פון דאָרטן, כּדי אונדז צו ברענגען, אונדז צו געבן דאָס לאַנד וואָס ער האָט צוגעשוואָרן אונדזערע עלטערן. 24 און גאָט האָט אונדז באַפוילן צו טאָן אַלע דידאָזיקע געזעצן, מורא צו האָבן פאַר יהוה אונדזער גאָט, כּדי אונדז זאָל גוט זיין אַלע טעג, כּדי אונדז צו לאָזן לעבן, אַזוי ווי היינטיקן טאָג. 25 און אַ גערעכטיקייט וועט עס זיין פון אונדז פאַר יהוה אונדזער גאָט, אויב מיר וועלן היטן צו טאָן אַלדאָסדאָזיקע געבאָט, אַזוי ווי ער האָט אונדז געבאָטן.

ז 1 אַז יהוה דיין גאָט וועט דיך ברענגען אין דעם לאַנד וואָס דו קומסט אַהין, עס צו אַרבן, און וועט אַרויסהאַרפן פון פאַר דיר פיל פעלקער, דעם חִתּי, און דעם גִרגָשי, און דעם אֱמוֹרי, און דעם כּנַעֲני, און דעם פּרִזי, און דעם חִוי, און דעם יבוּסי, זיבן פעלקער גרעסערע און שטאַרקערע פון דיר; 2 און יהוה דיין גאָט וועט זיי איבערגעבן צו דיר, און וועסט זיי שלאָגן; זאָלסטו פאַרווּיסטן זיי פאַרווּיסטן. זאָלסט זיי ניט שליסן אַ בונד, און זאָלסט זיי ניט לייטזעליקן. 3 און זאָלסט זיך ניט מתחתן זיין מיט זיי; דיין טאָכטער זאָלסטו ניט געבן צו זיין זון, און זיין טאָכטער זאָלסטו ניט נעמען פאַר דיין זון. 4 וואָרום ער וועט אָפּקערן דיין זון פון הינטער מיר, און זיי וועלן דינען פרעמדע געטער, און דער צאָרן פון יהוה וועט גרימען אויף אַייך, און ער וועט דיך גיך פאַרטיליקן. 5 נייערט אַזוי זאָלט איר טאָן צו זיי: זייערע מזבחות זאָלט איר איינוואַרפן, און זייערע זיילשטיינער זאָלט איר צעברעכן, און זייערע געצנביימער זאָלט איר אָפּהאַקן, און זייערע געשניצטע בילדער זאָלט איר פאַרברענען אין פייער. 6 וואָרום אַ הייליק פאָלק ביסטו ביי יהוה דיין גאָט; דיך האָט יהוה דיין גאָט אויסדערוויילט אים צו זיין פאַר אַן אייגן פאָלק, פון אַלע פעלקער וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד. 7 ניט ווייל איר זייט מער פון אַלע פעלקער, האָט גאָט געגלוסט צו אַייך און אַייך אויסדערוויילט; וואָרום איר זייט דאָס ווינציקסטע פון אַלע פעלקער. 8 נייערט ווייל גאָט האָט אַייך ליב, און ווייל ער היט די שבועה וואָס ער האָט געשוואָרן אַייערע עלטערן, האָט אַייך גאָט אַרויסגעצויגן מיט אַ שטאַרקער האַנט.

אונ האָט דיך אויסגעלייזט פונ דעם הויז פונ קנעכטשאַפט,
פונ דער האַנט פונ פּרעה דעם מלך פונ מִצרַיִם. [9] דרום
זאָלסטו וויסנ זיינ אַז יהוה דיינ גאָט, ער איז גאָט, דער
געטרייער גאָט וואָס היט דעם בונד אונ די גענאָד צו די
וואָס האָבנ אים ליב, אונ צו די וואָס היטנ זיינע געבאָט,
ביז טויזנט דורות, [10] אונ באַצאָלט זיינע פיינט אינ זייער
פּנים, זיי אונטערצוברענגענ; ער לייגט ניט אָפּ זיינ פיינט,
אינ זיינ פּנים באַצאָלט ער אים. [11] דרום זאָלסטו היטנ דאָס געבאָט אונ די חוקים אונ די געזעצנ וואָס איך באַפעל דיר
היינט זיי צו טאָנ.

חֲזָקָה וַיִּפְדְּךָ מִבֵּית עֲבָדִים מִיַּד פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרָיִם׃
מפ׳ וְיָדַעְתָּ כִּי־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ הוּא הָאֱלֹהִים הָאֵל הַנֶּאֱמָן שֹׁמֵר
הַבְּרִית וְהַחֶסֶד לְאֹהֲבָיו וּלְשֹׁמְרֵי מִצְוֺתָו לְאֶלֶף דּוֹר׃
י וּמְשַׁלֵּם לְשֹׂנְאָיו אֶל־פָּנָיו לְהַאֲבִידוֹ לֹא יְאַחֵר לְשֹׂנְאוֹ אֶל־
יא פָּנָיו יְשַׁלֶּם־לוֹ׃ וְשָׁמַרְתָּ אֶת־הַמִּצְוָה וְאֶת־הַחֻקִּים וְאֶת־
הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לַעֲשׂוֹתָם׃ פ

# עֵקֶב

[12] אונ עס וועט זיינ, דערפאַר וואָס איר וועט צוהערנ
דידאָזיקע געזעצנ, אונ וועט היטנ אונ זיי טאָנ, וועט יהוה
דיינ גאָט דיר היטנ דעם בונד אונ די גענאָד וואָס ער האָט
געשוואָרנ דיינע עלטערנ. [13] אונ ער וועט דיך ליב האָבנ,
אונ וועט דיך בענטשנ, אונ דיך מערנ, אונ ער וועט בענטשנ
די פרוכט פונ דיינ לייב, אונ די פרוכט פונ דיינ ערד, דיינ
תבואה, אונ דיינ ווינ, אונ דיינ אייל, די געבורט פונ דיינע
רינדער, אונ די פרוכפערונג פונ דיינע שאָף, אויף דער
ערד וואָס ער האָט געשוואָרנ דיינע עלטערנ דיר צו געבנ.
[14] וועסט זיינ געבענטשטער פונ אַלע פעלקער; עס וועט
ניט זיינ אַנ עקר אָדער אַנ עקרה צווישנ דיר אָדער צווישנ
דיינע בהמות. [15] אונ גאָט וועט אָפּטאָנ פונ דיר יעט־
ווע דער קראַנקשאַפט, אונ אַלע בייזע ווייטאָקנ פונ מִצרַיִם
וואָס דו קענסט זיי, וועט ער ניט אַרויפטאָנ אויף דיר,
נייערט ער וועט זיי געבנ אויף אַלע דיינע שׂונאים.
[16] אונ זאָלסט פאַרצערנ אַלע אומות וואָס יהוה דיינ
גאָט גיט דיר; דיינ אויג זאָל זיך ניט דערבאַרימענ אויף
זיי; אונ זאָלסט ניט דינענ זייערע געטער, וואָרום דאָס
וועט דיר זיינ אַ שטרויכלונג. [17] טאָמער וועסטו זאָגנ אינ
דיינ האַרצנ: דידאָזיקע פעלקער זיינענ מער פונ מיר, ווי
אַזוי וועל איך זיי קענענ פאַרטרייבנ? [18] זאָלסטו ניט מורא
האָבנ פאַר זיי; געדענקענ זאָלסטו געדענקענ וואָס יהוה דיינ גאָט האָט געטאָנ צו פּרעהנ אונ צו גאַנצ מִצרַיִם; [19] די גרויסע
פרוווּנגענ וואָס דיינע אויגנ האָבנ געזענ, אונ די צייכנס אונ די וווּנדער, אונ די שטאַרקע האַנט, אונ דעם אויסגעשטרעקטנ
אָרעם, מיט וואָס יהוה דיינ גאָט האָט דיך אַרויסגעצויגנ; אַזוי וועט יהוה דיינ גאָט טאָנ צו אַלע אומות וואָס דו האָסט מורא
פאַר זיי. [20] אונ אויך די האָרנבינ וועט יהוה דיינ גאָט אָנשיקנ אויף זיי, ביז עס וועלנ אונטערגיינ די וואָס זיינענ געבליבנ,
אונ וואָס האָבנ זיך באַהאַלטנ פאַר דיר. [21] זאָלסט זיך ניט שרעקנ פאַר זיי, וואָרום יהוה דיינ גאָט איז צווישנ דיר, אַ
גרויסער אונ אַ פאָרכטיקער גאָט. [22] אונ יהוה דיינ גאָט וועט אַרויסוואַרפנ דידאָזיקע פעלקער פונ פאַר דיר ביסלעכ־

יב וְהָיָה ׀ עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם
וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְשָׁמַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְךָ אֶת־הַבְּרִית וְאֶת־
יג הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ׃ וַאֲהֵבְךָ וּבֵרַכְךָ וְהִרְבֶּךָ
וּבֵרַךְ פְּרִי־בִטְנְךָ וּפְרִי־אַדְמָתֶךָ דְּגָנְךָ וְתִירֹשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ
שְׁגַר־אֲלָפֶיךָ וְעַשְׁתְּרֹת צֹאנֶךָ עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע
יד לַאֲבֹתֶיךָ לָתֶת לָךְ׃ בָּרוּךְ תִּהְיֶה מִכָּל־הָעַמִּים לֹא־יִהְיֶה
טו בְךָ עָקָר וַעֲקָרָה וּבִבְהֶמְתֶּךָ׃ וְהֵסִיר יְהוָה מִמְּךָ כָּל־חֹלִי
וְכָל־מַדְוֵי מִצְרַיִם הָרָעִים אֲשֶׁר יָדַעְתָּ לֹא יְשִׂימָם בָּךְ
טז וּנְתָנָם בְּכָל־שֹׂנְאֶיךָ׃ וְאָכַלְתָּ אֶת־כָּל־הָעַמִּים אֲשֶׁר יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ לֹא־תָחוֹס עֵינְךָ עֲלֵיהֶם וְלֹא תַעֲבֹד אֶת־
יז אֱלֹהֵיהֶם כִּי־מוֹקֵשׁ הוּא לָךְ׃ ס כִּי תֹאמַר בִּלְבָבְךָ
יח רַבִּים הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִמֶּנִּי אֵיכָה אוּכַל לְהוֹרִישָׁם׃ לֹא
תִירָא מֵהֶם זָכֹר תִּזְכֹּר אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
יט לְפַרְעֹה וּלְכָל־מִצְרָיִם׃ הַמַּסֹּת הַגְּדֹלֹת אֲשֶׁר־רָאוּ עֵינֶיךָ
וְהָאֹתֹת וְהַמֹּפְתִים וְהַיָּד הַחֲזָקָה וְהַזְּרֹעַ הַנְּטוּיָה אֲשֶׁר
הוֹצִאֲךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ כֵּן־יַעֲשֶׂה יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְכָל־הָעַמִּים
כ אֲשֶׁר־אַתָּה יָרֵא מִפְּנֵיהֶם׃ וְגַם אֶת־הַצִּרְעָה יְשַׁלַּח יְהוָה
כא אֱלֹהֶיךָ בָּם עַד־אֲבֹד הַנִּשְׁאָרִים וְהַנִּסְתָּרִים מִפָּנֶיךָ׃ לֹא
תַעֲרֹץ מִפְּנֵיהֶם כִּי־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּקִרְבֶּךָ אֵל גָּדוֹל
כב וְנוֹרָא׃ וְנָשַׁל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֶת־הַגּוֹיִם הָאֵל מִפָּנֶיךָ מְעַט

---

ט׳ מצותו ק׳   כב׳ סבירין האלה

מְעַט לֹא תוּכַל כַּלֹּתָם מַהֵר פֶּן־תִּרְבֶּה עָלֶיךָ חַיַּת הַשָּׂדֶה׃
וּנְתָנָם יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְפָנֶיךָ וְהָמָם מְהוּמָה גְדֹלָה עַד כג
הִשָּׁמְדָם׃ וְנָתַן מַלְכֵיהֶם בְּיָדֶךָ וְהַאֲבַדְתָּ אֶת־שְׁמָם מִתַּחַת כד
הַשָּׁמָיִם לֹא־יִתְיַצֵּב אִישׁ בְּפָנֶיךָ עַד הִשְׁמִדְךָ אֹתָם׃ פְּסִילֵי כה
אֱלֹהֵיהֶם תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ לֹא־תַחְמֹד כֶּסֶף וְזָהָב עֲלֵיהֶם
וְלָקַחְתָּ לָךְ פֶּן תִּוָּקֵשׁ בּוֹ כִּי תוֹעֲבַת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ הוּא׃
וְלֹא־תָבִיא תוֹעֵבָה אֶל־בֵּיתֶךָ וְהָיִיתָ חֵרֶם כָּמֹהוּ שַׁקֵּץ ׀ כו
תְּשַׁקְּצֶנּוּ וְתַעֵב ׀ תְּתַעֲבֶנּוּ כִּי־חֵרֶם הוּא׃ פ

ח

כָּל־הַמִּצְוָה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם תִּשְׁמְרוּן לַעֲשׂוֹת א
לְמַעַן תִּחְיוּן וּרְבִיתֶם וּבָאתֶם וִירִשְׁתֶּם אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־
נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבֹתֵיכֶם׃ וְזָכַרְתָּ אֶת־כָּל־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר ב
הוֹלִיכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ זֶה אַרְבָּעִים שָׁנָה בַּמִּדְבָּר לְמַעַן
עַנֹּתְךָ לְנַסֹּתְךָ לָדַעַת אֶת־אֲשֶׁר בִּלְבָבְךָ הֲתִשְׁמֹר מִצְוֹתָו
אִם־לֹא׃ וַיְעַנְּךָ וַיַּרְעִבֶךָ וַיַּאֲכִלְךָ אֶת־הַמָּן אֲשֶׁר לֹא־ ג
יָדַעְתָּ וְלֹא יָדְעוּן אֲבֹתֶיךָ לְמַעַן הוֹדִיעֲךָ כִּי לֹא עַל־הַלֶּחֶם
לְבַדּוֹ יִחְיֶה הָאָדָם כִּי עַל־כָּל־מוֹצָא פִי־יְהוָה יִחְיֶה הָאָדָם׃
שִׂמְלָתְךָ לֹא בָלְתָה מֵעָלֶיךָ וְרַגְלְךָ לֹא בָצֵקָה זֶה אַרְבָּעִים ד
שָׁנָה׃ וְיָדַעְתָּ עִם־לְבָבֶךָ כִּי כַּאֲשֶׁר יְיַסֵּר אִישׁ אֶת־בְּנוֹ ה
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מְיַסְּרֶךָּ׃ וְשָׁמַרְתָּ אֶת־מִצְוֹת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ ו
לָלֶכֶת בִּדְרָכָיו וּלְיִרְאָה אֹתוֹ׃ כִּי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מְבִיאֲךָ ז
אֶל־אֶרֶץ טוֹבָה אֶרֶץ נַחֲלֵי מָיִם עֲיָנֹת וּתְהֹמֹת יֹצְאִים
בַּבִּקְעָה וּבָהָר׃ אֶרֶץ חִטָּה וּשְׂעֹרָה וְגֶפֶן וּתְאֵנָה וְרִמּוֹן ח
אֶרֶץ־זֵית שֶׁמֶן וּדְבָשׁ׃ אֶרֶץ אֲשֶׁר לֹא בְמִסְכֵּנֻת תֹּאכַל־ ט
בָּהּ לֶחֶם לֹא־תֶחְסַר כֹּל בָּהּ אֶרֶץ אֲשֶׁר אֲבָנֶיהָ בַרְזֶל
וּמֵהֲרָרֶיהָ תַּחְצֹב נְחֹשֶׁת׃ וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת־ י
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ עַל־הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר נָתַן־לָךְ׃ הִשָּׁמֶר שני

ח, ב׳ מצותו קרי ז׳ קמץ בזיק

ביסלעכווייז; טאָרסט זיי ניט פאַרטיליקן אויף גיך, כּדי די חיה פון פעלד זאָל זיך ניט מערן אויף דיר. 23 און יהוה דיין גאָט וועט זיי איבערגעבן צו דיר, און וועט זיי פאַרטומלען אַ גרויס פאַרטומלעניש, ביז זיי וועלן פאַרטיליקט ווערן. 24 און ער וועט געבן זייערע מלכים אין דיין האַנט, און וועסט אונטערברענגען זייער נאָמען פון אונטערן הימל; קיינער וועט ניט באַשטיין פאַר דיר, ביז דו וועסט זיי פאַרטיליקן. 25 זייערע געשניצטע געטער זאָלט איר פאַרברענען אין פייער; זאָלסט ניט גלוסטן דאָס זילבער און דאָס גאָלד אויף זיי, און צונעמען פאַר זיך, כּדי זאָלסט ניט געשטרויכלט ווערן דורך דעם; וואָרום אַן אומווערדיקייט בײַ יהוה דיין גאָט איז דאָס. 26 און זאָלסט ניט אַריינברענגען אַן אומווערדיקייט אין דיין הויז, און ווערן חרם אַזוי ווי דאָס; מיאוסן זאָלסטו זיך מיאוסן מיט דעם, און פאַראומווערדיקן זאָלסטו עס פאַראומווערדיקן, וואָרום חרם איז דאָס.

ח 1 אַלדאָס געבאָט וואָס איך געביט דיר היינט, זאָלט איר היטן צו טאָן, כּדי איר זאָלט לעבן, און זיך מערן, און קומען און אַרבן דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט צוגעשוואָרן אייערע עלטערן. 2 און זאָלסט געדענקען דעם גאַנצן וועג וואָס יהוה דיין גאָט האָט דיך געפירט זינט פערציק יאָר דורכן מדבר, כּדי דיך צו פּייניקן, דיך צו פּרוּוון, צו וויסן וואָס בײַ דיר אין האַרצן, אויב דו וועסט היטן זיינע געבאָט אָדער ניט. 3 און ער האָט דיך געפּייניקט, און דיך אויסגעהונגערט, און דיך געשפּייזט מיט מַן, וואָס ניט דו האָסט דערפון געוווּסט, ניט דיינע עלטערן האָבן געוווּסט; כּדי דיך צו לאָזן וויסן אַז ניט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש, נאָר אויף אַלץ וואָס קומט אַרויס פון גאָטס מויל לעבט דער מענטש. 4 דיין קלייד איז ניט אָפּגעטראָגן געוואָרן אויף דיר, און דיין פוס איז ניט אויפגעלאָפן, דורך די פערציק יאָר. 5 דרום זאָלסטו וויסן אין דיין האַרצן, אַז אַזוי ווי אַ מאַן שטראָפט זיין קינד, שטראָפט דיך יהוה דיין גאָט. 6 און זאָלסט היטן די געבאָט פון יהוה דיין גאָט, צו גיין אין זיינע וועגן, און מורא צו האָבן פאַר אים. 7 וואָרום יהוה דיין גאָט ברענגט דיך אין אַ גוטן לאַנד, אַ לאַנד פון בעכן וואַסער, קוואַלן, און טיפענישן, וואָס גייען אַרויס אויף באַרג און טאָל; 8 אַ לאַנד פון ווייץ, און גערשט, און וויינשטאָקן, און פייגן, און מילגרוימען; אַ לאַנד פון איילבערטן און האָניק; 9 אַ לאַנד וואָס ניט אין אָרימקייט וועסטו דרינען עסן ברויט, וואָס דיר וועט גאָרנישט פעלן דרינען; אַ לאַנד וואָס אירע שטיינער זיינען אייזן, און פון אירע בערג וועסטו האַקן קופּער. 10 און וועסט עסן און וועסט זאַט זיין, און וועסט לויבן יהוה דיין גאָט, פאַר דעם גוטן לאַנד וואָס ער האָט דיר געגעבן. 11 היט

לְךָ פֶּן־תִּשְׁכַּח אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְבִלְתִּי שְׁמֹר מִצְוֹתָיו
יב וּמִשְׁפָּטָיו וְחֻקֹּתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם׃ פֶּן־תֹּאכַל וְשָׂבָעְתָּ
יג וּבָתִּים טֹבִים תִּבְנֶה וְיָשָׁבְתָּ׃ וּבְקָרְךָ וְצֹאנְךָ יִרְבְּיֻן וְכֶסֶף
יד וְזָהָב יִרְבֶּה־לָּךְ וְכֹל אֲשֶׁר־לְךָ יִרְבֶּה׃ וְרָם לְבָבֶךָ וְשָׁכַחְתָּ
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ הַמּוֹצִיאֲךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים׃
טו הַמּוֹלִיכְךָ בַּמִּדְבָּר ׀ הַגָּדֹל וְהַנּוֹרָא נָחָשׁ ׀ שָׂרָף וְעַקְרָב
וְצִמָּאוֹן אֲשֶׁר אֵין־מָיִם הַמּוֹצִיא לְךָ מַיִם מִצּוּר הַחַלָּמִישׁ׃
טז הַמַּאֲכִלְךָ מָן בַּמִּדְבָּר אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּן אֲבֹתֶיךָ לְמַעַן עַנֹּתְךָ
יז וּלְמַעַן נַסֹּתֶךָ לְהֵיטִבְךָ בְּאַחֲרִיתֶךָ׃ וְאָמַרְתָּ בִּלְבָבֶךָ כֹּחִי
יח וְעֹצֶם יָדִי עָשָׂה לִי אֶת־הַחַיִל הַזֶּה׃ וְזָכַרְתָּ אֶת־יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ כִּי הוּא הַנֹּתֵן לְךָ כֹּחַ לַעֲשׂוֹת חָיִל לְמַעַן הָקִים
אֶת־בְּרִיתוֹ אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ כַּיּוֹם הַזֶּה׃ פ
יט וְהָיָה אִם־שָׁכֹחַ תִּשְׁכַּח אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְהָלַכְתָּ אַחֲרֵי
אֱלֹהִים אֲחֵרִים וַעֲבַדְתָּם וְהִשְׁתַּחֲוִיתָ לָהֶם הַעִדֹתִי בָכֶם
כ הַיּוֹם כִּי אָבֹד תֹּאבֵדוּן׃ כַּגּוֹיִם אֲשֶׁר יְהוָה מַאֲבִיד
מִפְּנֵיכֶם כֵּן תֹּאבֵדוּן עֵקֶב לֹא תִשְׁמְעוּן בְּקוֹל יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם׃ פ

## ט

א שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתָּה עֹבֵר הַיּוֹם אֶת־הַיַּרְדֵּן לָבֹא לָרֶשֶׁת
גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִמֶּךָּ עָרִים גְּדֹלֹת וּבְצֻרֹת בַּשָּׁמָיִם׃
ב עַם־גָּדוֹל וָרָם בְּנֵי עֲנָקִים אֲשֶׁר אַתָּה יָדַעְתָּ וְאַתָּה
ג שָׁמַעְתָּ מִי יִתְיַצֵּב לִפְנֵי בְּנֵי עֲנָק׃ וְיָדַעְתָּ הַיּוֹם כִּי יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ הוּא־הָעֹבֵר לְפָנֶיךָ אֵשׁ אֹכְלָה הוּא יַשְׁמִידֵם
וְהוּא יַכְנִיעֵם לְפָנֶיךָ וְהוֹרַשְׁתָּם וְהַאֲבַדְתָּם מַהֵר כַּאֲשֶׁר
של׳ דִּבֶּר יְהוָה לָךְ׃ אַל־תֹּאמַר בִּלְבָבְךָ בַּהֲדֹף יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
אֹתָם ׀ מִלְּפָנֶיךָ לֵאמֹר בְּצִדְקָתִי הֱבִיאַנִי יְהוָה לָרֶשֶׁת
אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת וּבְרִשְׁעַת הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה יְהוָה מוֹרִישָׁם
ה מִפָּנֶיךָ׃ לֹא בְצִדְקָתְךָ וּבְיֹשֶׁר לְבָבְךָ אַתָּה בָא לָרֶשֶׁת אֶת־

ח,טז׳ב טעמים

דיך, זאָלסט ניט פאַרגעסן אָן יהוה דײַן גאָט, ניט צו היטן זײַנע געבאָט און זײַנע געזעצן און זײַנע חוקים וואָס איך באַפעל דיר הײַנט. [12] טאָמער, אַז דו וועסט עסן און וועסט זאָט זײַן, און וועסט בויען שײנע הײַזער, און באַוווינען; [13] און דײַנע רינדער און דײַנע שאָף וועלן זיך מערן, און זילבער און גאָלד וועט זיך בײַ דיר מערן, און אַלץ וואָס דו האָסט וועט זיך מערן; [14] וועט זיך דערהייבן דײַן האַרץ, און וועסט פאַרגעסן אָן יהוה דײַן גאָט וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם, פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט; [15] וואָס האָט דיך געפירט דורך דעם גרויסן און מוראדיקן מדבר, דורך פײַערדיקע שלאַנגען און שקאָרפּיאָנען, און אַ דאַרשטעניש וואָס אָן וואַסער; וואָס האָט דיר אַרויסגעצויגן וואַסער פון קיזלשטיין; [16] וואָס האָט דיך געשפּײַזט אין דער מדבר מיט מָן, וואָס דײַנע עלטערן האָבן דערפון ניט געוווּסט; כּדי דיך צו פּײַניקן, און כּדי דיך צו פּרוּוון, דיך צו באַגיטיקן אין דײַן לעצט; [17] און וועסט זאָגן אין דײַן האַרצן: מײַן כּוח און די מאַכט פון מײַן האַנט האָט מיר פאַרשאַפט דעמדאָזיקן פאַרמעג; [18] זאָלסטו געדענקען יהוה דײַן גאָט, וואָרום ער איז דער וואָס גיט דיר כּוח אָנצושאַפן פאַרמעג, כּדי מקיים צו זײַן זײַן בונד וואָס ער האָט געשוואָרן דײַנע עלטערן, אַזוי ווי הײַנטיקן טאָג.

[19] און עס וועט זײַן, אויב פאַרגעסן וועסטו פאַרגעסן אָן יהוה דײַן גאָט, און וועסט גיין נאָך פרעמדע געטער, און זײ דינען, און זיך בוקן צו זײ, וואָרן איך אײַך הײַנט, אַז אונטערגיין וועט איר אונטערגיין. [20] אַזוי ווי די פעלקער וואָס גאָט מאַכט אונטערגיין פון פאַר אײַך, אַזוי וועט איר אונטערגיין, דערפאַר וואָס איר האָט ניט צוגעהערט צו דעם קָול פון יהוה אײַער גאָט.

ט [1] הער, ישׂראל, דו גייסט הײַנט אַריבער דעם ירדן צו קומען אַרבן אומות גרעסערע און שטאַרקערע פון דיר, שטעט גרויסע און באַפעסטיקטע ביז אין הימל, [2] אַ פאָלק גרויס און הויך, זין פון די ענָקים, וואָס דו ווייסט און וואָס דו האָסט געהערט: ווער קען באַשטיין פאַר די זין פון ענָק? [3] זאָלסטו וויסן הײַנט אַז יהוה דײַן גאָט, ער איז דער וואָס גייט אַריבער פאַר דיר פאַרויס, אַ פײַער וואָס פאַרצערט; ער וועט זײ פאַרטיליקן, און ער וועט זײ מאַכן אונטערטעניק פאַר דיר, און וועסט זײ פאַרטרײַבן, און וועסט זײ גיך אונטערברענגען, אַזוי ווי גאָט האָט דיר צוגעזאָגט. [4] זאָלסט ניט זאָגן אין דײַן האַרצן, ווען יהוה דײַן גאָט וועט זײ אַרויסשטויסן פון פאַר דיר, אַזוי צו זאָגן: פאַר מײַן גערעכטיקייט האָט מיך גאָט געבראַכט צו אַרבן דאָסדאָזיקע לאַנד; ווען פאַר דער שלעכטיקייט פון דידאָזיקע פעלקער פאַרטרײַבט זײ גאָט פון פאַר דיר. [5] ניט פאַר דײַן גערעכטיקייט, און פאַר דער רעכטפאַרטיקייט פון דײַן האַרצן, קומסטו אַרבן

אַרְצָ֑ם כִּ֗י בְּרִשְׁעַ֣ת ׀ הַגּוֹיִ֣ם הָאֵ֗לֶּה יְהוָ֤ה אֱלֹהֶ֙יךָ֙ מוֹרִישָׁ֣ם
מִפָּנֶ֔יךָ וּלְמַ֜עַן הָקִ֣ים אֶת־הַדָּבָ֗ר אֲשֶׁ֨ר נִשְׁבַּ֤ע יְהוָה֙ לַאֲבֹתֶ֔יךָ
לְאַבְרָהָ֖ם לְיִצְחָ֥ק וּֽלְיַעֲקֹֽב׃ וְיָדַעְתָּ֗ כִּ֠י לֹ֤א בְצִדְקָֽתְךָ֙ יְהוָ֣ה 6
אֱלֹהֶ֜יךָ נֹתֵ֨ן לְךָ֜ אֶת־הָאָ֧רֶץ הַטּוֹבָ֛ה הַזֹּ֖את לְרִשְׁתָּ֑הּ כִּ֥י
עַם־קְשֵׁה־עֹ֖רֶף אָֽתָּה׃ זְכֹר֙ אַל־תִּשְׁכַּ֔ח אֵ֧ת אֲשֶׁר־הִקְצַ֛פְתָּ 7
אֶת־יְהוָ֥ה אֱלֹהֶ֖יךָ בַּמִּדְבָּ֑ר לְמִן־הַיּ֞וֹם אֲשֶׁר־יָצָ֣אתָ ׀ מֵאֶ֣רֶץ
מִצְרַ֗יִם עַד־בֹּֽאֲכֶם֙ עַד־הַמָּק֣וֹם הַזֶּ֔ה מַמְרִ֥ים הֱיִיתֶ֖ם עִם־
יְהוָֽה׃ וּבְחֹרֵ֥ב הִקְצַפְתֶּ֖ם אֶת־יְהוָ֑ה וַיִּתְאַנַּ֧ף יְהוָ֛ה בָּכֶ֖ם 8
לְהַשְׁמִ֥יד אֶתְכֶֽם׃ בַּעֲלֹתִ֣י הָהָ֗רָה לָקַ֜חַת לוּחֹ֤ת הָֽאֲבָנִים֙ 9
לוּחֹ֣ת הַבְּרִ֔ית אֲשֶׁר־כָּרַ֥ת יְהוָ֖ה עִמָּכֶ֑ם וָאֵשֵׁ֣ב בָּהָ֗ר אַרְבָּעִ֥ים
יוֹם֙ וְאַרְבָּעִ֣ים לַ֔יְלָה לֶ֚חֶם לֹ֣א אָכַ֔לְתִּי וּמַ֖יִם לֹ֥א שָׁתִֽיתִי׃
וַיִּתֵּ֨ן יְהוָ֜ה אֵלַ֗י אֶת־שְׁנֵי֙ לוּחֹ֣ת הָאֲבָנִ֔ים כְּתֻבִ֖ים בְּאֶצְבַּ֣ע 10
אֱלֹהִ֑ים וַעֲלֵיהֶ֗ם כְּֽכָל־הַדְּבָרִ֡ים אֲשֶׁר֩ דִּבֶּ֨ר יְהוָ֧ה עִמָּכֶ֛ם
בָּהָ֛ר מִתּ֥וֹךְ הָאֵ֖שׁ בְּי֥וֹם הַקָּהָֽל׃ וַיְהִ֗י מִקֵּץ֙ אַרְבָּעִ֣ים י֔וֹם 11
וְאַרְבָּעִ֖ים לָ֑יְלָה נָתַ֨ן יְהוָ֜ה אֵלַ֗י אֶת־שְׁנֵ֛י לֻחֹ֥ת הָאֲבָנִ֖ים
לוּח֥וֹת הַבְּרִֽית׃ וַיֹּ֨אמֶר יְהוָ֜ה אֵלַ֗י ק֣וּם רֵ֤ד מַהֵר֙ מִזֶּ֔ה 12
כִּ֚י שִׁחֵ֣ת עַמְּךָ֔ אֲשֶׁ֥ר הוֹצֵ֖אתָ מִמִּצְרָ֑יִם סָ֣רוּ מַהֵ֗ר מִן־הַדֶּ֙רֶךְ֙
אֲשֶׁ֣ר צִוִּיתִ֔ם עָשׂ֥וּ לָהֶ֖ם מַסֵּכָֽה׃ וַיֹּ֥אמֶר יְהוָ֖ה אֵלַ֣י לֵאמֹ֑ר 13
רָאִ֙יתִי֙ אֶת־הָעָ֣ם הַזֶּ֔ה וְהִנֵּ֥ה עַם־קְשֵׁה־עֹ֖רֶף הֽוּא׃ הֶ֤רֶף 14
מִמֶּ֙נִּי֙ וְאַשְׁמִידֵ֔ם וְאֶמְחֶ֣ה אֶת־שְׁמָ֔ם מִתַּ֖חַת הַשָּׁמָ֑יִם
וְאֶֽעֱשֶׂה֙ אֽוֹתְךָ֔ לְגוֹי־עָצ֥וּם וָרָ֖ב מִמֶּֽנּוּ׃ וָאֵ֗פֶן וָֽאֵרֵד֙ מִן־ 15
הָהָ֔ר וְהָהָ֖ר בֹּעֵ֣ר בָּאֵ֑שׁ וּשְׁנֵי֙ לוּחֹ֣ת הַבְּרִ֔ית עַ֖ל שְׁתֵּ֥י יָדָֽי׃
וָאֵ֗רֶא וְהִנֵּ֤ה חֲטָאתֶם֙ לַיהוָ֣ה אֱלֹֽהֵיכֶ֔ם עֲשִׂיתֶ֣ם לָכֶ֔ם עֵ֖גֶל 16
מַסֵּכָ֑ה סַרְתֶּ֣ם מַהֵ֔ר מִן־הַדֶּ֕רֶךְ אֲשֶׁר־צִוָּ֥ה יְהוָ֖ה אֶתְכֶֽם׃
וָאֶתְפֹּשׂ֙ בִּשְׁנֵ֣י הַלֻּחֹ֔ת וָֽאַשְׁלִכֵ֔ם מֵעַ֖ל שְׁתֵּ֣י יָדָ֑י וָאֲשַׁבְּרֵ֖ם 17
לְעֵינֵיכֶֽם׃ וָֽאֶתְנַפַּ֞ל לִפְנֵ֣י יְהוָ֗ה כָּרִאשֹׁנָה֙ אַרְבָּעִ֥ים יוֹם֙ 18
וְאַרְבָּעִ֣ים לַ֔יְלָה לֶ֚חֶם לֹ֣א אָכַ֔לְתִּי וּמַ֖יִם לֹ֣א שָׁתִ֑יתִי עַ֥ל

כג׳ קמץ בטרחא

זייער לאַנד, נייערט פאַר דער שלעכטיקייט פון די דאָזיקע פעלקער פאַרטרייבט זי יהוה דיין גאָט פון פאַר דיר; און כדי מקיים צו זיין דעם צוזאָג וואָס גאָט האָט געשוואָרן צו דיינע עלטערן, צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן. [6] און זאָלסט וויסן זיין, אַז ניט פאַר דיין גערעכטיקייט גיט דיר יהוה דיין גאָט דאָסדאָזיקע גוטע לאַנד, עס צו אַרבן; וואָרום אַ האַרטנעקיק פאָלק ביסטו.

[7] געדענק, זאָלסט ניט פאַרגעסן, ווי דו האָסט דערצערנט יהוה דיין גאָט אין דער מדבר; פון דעם טאָג אָן וואָס דו ביסט אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מצרים, ביז איר קומען צו דעמדאָזיקן אָרט, זייט איר ווידערשפּעניקער געווען אַקעגן גאָט. [8] אויך אין חורב האָט איר דערצערנט גאָט, און גאָט איז געוואָרן אויפגעבראַכט אויף אייך, אייך צו פאַרטיליקן. [9] אַז איך בין אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג צו נעמען די שטיינערנע לוחות, די לוחות פון דעם בונד וואָס גאָט האָט מיט אייך געשלאָסן, בין איך געבליבן אויפן באַרג פערציק טעג און פערציק נעכט; קיין ברויט האָב איך ניט געגעסן, און קיין וואַסער האָב איך ניט געטרונקען. [10] און גאָט האָט מיר געגעבן די צוויי שטיינערנע לוחות געשריבן מיט גאָטס פינגער, און אויף זיי איז געווען אַזוי ווי אַלע ווערטער וואָס גאָט האָט מיט אייך גערעדט אויפן באַרג פון מיטן פייער אין טאָג פון דער איינזאַמלונג.

[11] און עס איז געווען צום סוף פון פערציק טעג און פערציק נעכט, האָט מיר גאָט געגעבן די צוויי שטיינערנע לוחות, די לוחות פון בונד. [12] און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: שטיי אויף, נידער אַראָפּ אויף גיך פון דאַנען, וואָרום פאַרדאָרבן געוואָרן איז דיין פאָלק וואָס דו האָסט אַרויסגעצויגן פון מצרים; זיי האָבן זיך גיך אָפּגעקערט פון דעם וועג וואָס איך האָב זיי באַפוילן; זיי האָבן זיך געמאַכט אַ געגאָסענעם געץ. [13] און גאָט האָט צו מיר געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: איך האָב געזען דאָסדאָזיקע פאָלק, ערשט אַ האַרטנעקיק פאָלק איז עס. [14] לאָז אָפּ פון מיר, און איך וועל זיי פאַרטיליקן, און וועל אָפּמעקן זייער נאָמען פון אונטערן הימל, און איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ פאָלק שטאַרקער און גרעסער פון אים. [15] האָב איך זיך אומגעקערט און האָב אַראָפּגענידערט פון באַרג, און דער באַרג האָט געברענט אין פייער; און די צוויי לוחות פון בונד זיינען געווען אויף מיינע ביידע הענט. [16] און איך האָב געזען, ערשט איר האָט געזינדיקט צו יהוה אייער גאָט; איר האָט אייך געמאַכט אַ געגאָסן קאַלב; איר האָט זיך גיך אָפּגעקערט פון דעם וועג וואָס גאָט האָט אייך באַפוילן. [17] האָב איך אָנגענומען די צוויי לוחות, און האָב זיי אַראָפּגעוואָרפן פון מיינע ביידע הענט, און האָב זיי צעבראָכן פאַר אייערע אויגן. [18] און איך האָב מיך אַנידערגעוואָרפן פאַר גאָט, אַזוי ווי דאָס ערשטע מאָל, פערציק טעג און פערציק נעכט; קיין ברויט האָב איך ניט געגעסן, און קיין וואַסער האָב איך ניט געטרונקען; איבער

כָּל־חַטַּאתְכֶם אֲשֶׁר חֲטָאתֶם לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה
יט לְהַכְעִיסוֹ׃ כִּי יָגֹרְתִּי מִפְּנֵי הָאַף וְהַחֵמָה אֲשֶׁר קָצַף יְהוָה
עֲלֵיכֶם לְהַשְׁמִיד אֶתְכֶם וַיִּשְׁמַע יְהוָה אֵלַי גַּם בַּפַּעַם
כ הַהִוא׃ וּבְאַהֲרֹן הִתְאַנַּף יְהוָה מְאֹד לְהַשְׁמִידוֹ וָאֶתְפַּלֵּל
כא גַּם־בְּעַד אַהֲרֹן בָּעֵת הַהִוא׃ וְאֶת־חַטַּאתְכֶם אֲשֶׁר־עֲשִׂיתֶם
אֶת־הָעֵגֶל לָקַחְתִּי וָאֶשְׂרֹף אֹתוֹ ׀ בָּאֵשׁ וָאֶכֹּת אֹתוֹ טָחוֹן
הֵיטֵב עַד אֲשֶׁר־דַּק לְעָפָר וָאַשְׁלִךְ אֶת־עֲפָרוֹ אֶל־הַנַּחַל
כב הַיֹּרֵד מִן־הָהָר׃ וּבְתַבְעֵרָה וּבְמַסָּה וּבְקִבְרֹת הַתַּאֲוָה
כג מַקְצִפִים הֱיִיתֶם אֶת־יְהוָה׃ וּבִשְׁלֹחַ יְהוָה אֶתְכֶם מִקָּדֵשׁ
בַּרְנֵעַ לֵאמֹר עֲלוּ וּרְשׁוּ אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַתִּי לָכֶם
וַתַּמְרוּ אֶת־פִּי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְלֹא הֶאֱמַנְתֶּם לוֹ וְלֹא
כד שְׁמַעְתֶּם בְּקֹלוֹ׃ מַמְרִים הֱיִיתֶם עִם־יְהוָה מִיּוֹם דַּעְתִּי
כה אֶתְכֶם׃ וָאֶתְנַפַּל לִפְנֵי יְהוָה אֵת אַרְבָּעִים הַיּוֹם וְאֶת־
אַרְבָּעִים הַלַּיְלָה אֲשֶׁר הִתְנַפָּלְתִּי כִּי־אָמַר יְהוָה לְהַשְׁמִיד
כו אֶתְכֶם׃ וָאֶתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה וָאֹמַר אֲדֹנָי יֱהוִה אַל־תַּשְׁחֵת
עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ אֲשֶׁר פָּדִיתָ בְּגָדְלֶךָ אֲשֶׁר־הוֹצֵאתָ מִמִּצְרַיִם
כז בְּיָד חֲזָקָה׃ זְכֹר לַעֲבָדֶיךָ לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב אַל־
כח תֵּפֶן אֶל־קְשִׁי הָעָם הַזֶּה וְאֶל־רִשְׁעוֹ וְאֶל־חַטָּאתוֹ׃ פֶּן־יֹאמְרוּ
הָאָרֶץ אֲשֶׁר הוֹצֵאתָנוּ מִשָּׁם מִבְּלִי יְכֹלֶת יְהוָה לַהֲבִיאָם
אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־דִּבֶּר לָהֶם וּמִשִּׂנְאָתוֹ אוֹתָם הוֹצִיאָם
כט לְהֲמִתָם בַּמִּדְבָּר׃ וְהֵם עַמְּךָ וְנַחֲלָתֶךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ בְּכֹחֲךָ
הַגָּדֹל וּבִזְרֹעֲךָ הַנְּטוּיָה׃ פ

י

רבי׳ בָּעֵת הַהִוא אָמַר יְהוָה אֵלַי פְּסָל־לְךָ שְׁנֵי־לוּחֹת אֲבָנִים
ב כָּרִאשֹׁנִים וַעֲלֵה אֵלַי הָהָרָה וְעָשִׂיתָ לְּךָ אֲרוֹן עֵץ׃ וְאֶכְתֹּב
עַל־הַלֻּחֹת אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר הָיוּ עַל־הַלֻּחֹת הָרִאשֹׁנִים
ג אֲשֶׁר שִׁבַּרְתָּ וְשַׂמְתָּם בָּאָרוֹן׃ וָאַעַשׂ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים

ט, כד מ׳ קטנה  י, ב׳ פתח באתנח

אַל אײַער זינד װאָס איר האָט געזינדיקט, צו טאָן װאָס איז שלעכט אין די אױגן פֿון גאָט, אים צו דערצערנען;
[19] װאָרום איך האָב זיך געשראָקן פֿאַר דעם כּעס און דעם גרימצאָרן װאָס גאָט האָט אױף אײַך געצערנט, אײַך צו פֿאַרטיליקן. און גאָט האָט אױך דאָס מאָל צוגעהערט צו מיר.
[20] אױך אױף אַהרֹנען איז גאָט זײער אױפֿגעבראַכט געװאָרן, אים צו פֿאַרטיליקן, און איך האָב מתפּלל געװען אױך פֿאַר אַהרֹנען אין יענער שעה.
[21] און אײַער זינד, דאָס קאַלב װאָס איר האָט געמאַכט, האָב איך גענומען, און האָב עס פֿאַרברענט אין פֿײַער, און האָב עס צעשטױסן, גוט צעמאָלן, ביז װאַנען עס איז געװען דין װי שטױב; און איך האָב אַרײַנגעװאָרפֿן זײַן שטױב אין דעם באַך װאָס נידערט אַראָפּ פֿון באַרג.—
[22] אױך אין תַּבְעֵרָה, און אין מַסָּה, און אין קִברוֹת־הַתַּאֲוָה, האָט איר דערצערנט גאָט.
[23] און אַז גאָט האָט אײַך געשיקט פֿון קָדֵש־בַּרנֵעַ, אַזױ צו זאָגן: גײט אַרױף און אַרבט דאָס לאַנד װאָס איך האָב אײַך געגעבן, האָט איר װידערשפּעניקט דעם מױל פֿון יהוה אײַער גאָט, און איר האָט אים ניט געגלױבט, און ניט צוגעהערט צו זײַן קָול.
[24] װידערשפּעניקער זײַט איר געװען אַקעגן גאָט פֿון דעם טאָג װאָס איך קען אײַך.—
[25] אַזױ האָב איך מיך אַנידערגעװאָרפֿן פֿאַר גאָט די פֿערציק טעג און די פֿערציק נעכט װאָס איך האָב מיך אַנידערגעװאָרפֿן, װאָרום גאָט האָט גערעדט אײַך צו פֿאַרטיליקן.
[26] און איך האָב מתפּלל געװען צו גאָט, און האָב געזאָגט: גאָט דו האַר, זאָלסט ניט אומברענגען דײַן פֿאָלק און דײַן אַרב, װאָס דו האָסט אױסגעלײזט מיט דײַן גרױסקײט, װאָס דו האָסט אַרױסגעצױגן פֿון מִצרַיִם מיט אַ שטאַרקער האַנט.
[27] געדענק דײַנע קנעכט, אַברהם, יצחק, און יעקב; זאָלסט זיך ניט אומקוקן אױף דער האַרטקײט פֿון דעמדאָזיקן פֿאָלק, און אױף זײַן שלעכטיקײט, און אױף זײַן זינד;
[28] כּדי דאָס לאַנד װאָס דו האָסט אונדז אַרױסגעצױגן פֿון דאָרטן, זאָל ניט זאָגן: װײַל גאָט איז ניט בּיכולת זײ צו ברענגען אין דעם לאַנד װאָס ער האָט זײ צוגעזאָגט, און װײַל ער האָט זײ פֿײַנט, דרום האָט ער זײ אַרױסגעצױגן זײ צו טײטן אין דער מדבּר.
[29] און זײ זײַנען דאָך דײַן פֿאָלק און דײַן אַרב, װאָס דו האָסט אַרױסגעצױגן מיט דײַן גרױס שטאַרקײט און מיט דײַן אױסגעשטרעקטן אָרעם.

י [1] אין יענער צײַט האָט גאָט צו מיר געזאָגט: האַק דיר אױס צװײ שטײנערנע לוחות אַזױ װי די ערשטע, און קום אַרױף צו מיר אױפֿן באַרג; און זאָלסט דיר מאַכן אַ הילצערנעם אָרון.
[2] און איך װעל אױפֿשרײַבן אױף די לוחות די װערטער װאָס זײַנען געװען אױף די ערשטע לוחות װאָס דו האָסט צעבראָכן; און װעסט זײ אַרײַנטאָן אין דעם אָרון.
[3] האָב איך

וָאֶפְסֹל שְׁנֵי־לֻחֹת אֲבָנִים כָּרִאשֹׁנִים וָאַעַל הָהָרָה וּשְׁנֵי
ד הַלֻּחֹת בְּיָדִי: וַיִּכְתֹּב עַל־הַלֻּחֹת כַּמִּכְתָּב הָרִאשׁוֹן אֵת
עֲשֶׂרֶת הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֲלֵיכֶם בָּהָר מִתּוֹךְ הָאֵשׁ
ה בְּיוֹם הַקָּהָל וַיִּתְּנֵם יְהוָה אֵלָי: וָאֵפֶן וָאֵרֵד מִן־הָהָר וָאָשִׂם
אֶת־הַלֻּחֹת בָּאָרוֹן אֲשֶׁר עָשִׂיתִי וַיִּהְיוּ שָׁם כַּאֲשֶׁר צִוַּנִי
ו יְהוָה: וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נָסְעוּ מִבְּאֵרֹת בְּנֵי־יַעֲקָן מוֹסֵרָה שָׁם
ז מֵת אַהֲרֹן וַיִּקָּבֵר שָׁם וַיְכַהֵן אֶלְעָזָר בְּנוֹ תַּחְתָּיו: מִשָּׁם
ח נָסְעוּ הַגֻּדְגֹּדָה וּמִן־הַגֻּדְגֹּדָה יָטְבָתָה אֶרֶץ נַחֲלֵי־מָיִם: בָּעֵת
הַהִוא הִבְדִּיל יְהוָה אֶת־שֵׁבֶט הַלֵּוִי לָשֵׂאת אֶת־אֲרוֹן
בְּרִית־יְהוָה לַעֲמֹד לִפְנֵי יְהוָה לְשָׁרְתוֹ וּלְבָרֵךְ בִּשְׁמוֹ עַד
ט הַיּוֹם הַזֶּה: עַל־כֵּן לֹא־הָיָה לְלֵוִי חֵלֶק וְנַחֲלָה עִם־אֶחָיו
י יְהוָה הוּא נַחֲלָתוֹ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לוֹ: וְאָנֹכִי
עָמַדְתִּי בָהָר כַּיָּמִים הָרִאשֹׁנִים אַרְבָּעִים יוֹם וְאַרְבָּעִים
לַיְלָה וַיִּשְׁמַע יְהוָה אֵלַי גַּם בַּפַּעַם הַהִוא לֹא־אָבָה יְהוָה
יא הַשְׁחִיתֶךָ: וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלַי קוּם לֵךְ לְמַסַּע לִפְנֵי
הָעָם וְיָבֹאוּ וְיִירְשׁוּ אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתִּי לַאֲבֹתָם
לָתֵת לָהֶם: פ
חמ׳ וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה יְהוָה אֱלֹהֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם־
לְיִרְאָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לָלֶכֶת בְּכָל־דְּרָכָיו וּלְאַהֲבָה
אֹתוֹ וְלַעֲבֹד אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכָל־לְבָבְךָ וּבְכָל־נַפְשֶׁךָ:
יג לִשְׁמֹר אֶת־מִצְוֹת יְהוָה וְאֶת־חֻקֹּתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם
יד לְטוֹב לָךְ: הֵן לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמָיִם
טו הָאָרֶץ וְכָל־אֲשֶׁר־בָּהּ: רַק בַּאֲבֹתֶיךָ חָשַׁק יְהוָה לְאַהֲבָה
אוֹתָם וַיִּבְחַר בְּזַרְעָם אַחֲרֵיהֶם בָּכֶם מִכָּל־הָעַמִּים כַּיּוֹם
טז הַזֶּה: וּמַלְתֶּם אֵת עָרְלַת לְבַבְכֶם וְעָרְפְּכֶם לֹא תַקְשׁוּ
יז עוֹד: כִּי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם הוּא אֱלֹהֵי הָאֱלֹהִים וַאֲדֹנֵי הָאֲדֹנִים
הָאֵל הַגָּדֹל הַגִּבֹּר וְהַנּוֹרָא אֲשֶׁר לֹא־יִשָּׂא פָנִים וְלֹא יִקַּח
יח שֹׁחַד: עֹשֶׂה מִשְׁפַּט יָתוֹם וְאַלְמָנָה וְאֹהֵב גֵּר לָתֶת לוֹ

געמאַכט אַן אָרון פון שִׁטים־האָלץ; און איך האָב אויסגעהאַקט צוויי שטיינערנע לוחות אַזוי ווי די ערשטע, און איך בין אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג מיט די צוויי לוחות אין מיין האַנט. 4 און ער האָט אויפגעשריבן אויף די לוחות אַזוי ווי דאָס פריערדיקע געשריפטס: די צען געבאָט וואָס גאָט האָט צו אייך גערעדט אויפן באַרג פון מיטן פייער, אין טאָג פון דער אײַנזאַמלונג; און גאָט האָט זיי מיר געגעבן. 5 און איך האָב זיך אומגעקערט און האָב אַראָפגענידערט פון באַרג, און איך האָב אַריינגעטאָן די לוחות אין דעם אָרון וואָס איך האָב געמאַכט, און זיי זיינען דאָרטן געבליבן, אַזוי ווי גאָט האָט מיר באַפוילן.— 6 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געצויגן פון בּאֵרות־בּני־יַעֲקָן קיין מוֹסֵרָה. דאָרטן איז אַהרן געשטאָרבן, און איז דאָרטן באַגראָבן געוואָרן; און זיין זון אֶלְעָזָר איז געוואָרן כּהן אויף זיין אָרט. 7 פון דאָרטן האָבן זיי געצויגן קיין גוּדגוֹד, און פון גוּדגוֹד קיין יָטְבָה, אַ לאַנד פון בעכן וואַסער.— 8 אין יענער צייט האָט גאָט אָפגעשיידט דעם שבט לֵוִי צו טראָגן דעם אָרון פון גאָטס בונד, צו שטיין פאַר גאָט, אים צו באַדינען, און צו בענטשן אין זיין נאָמען, ביז אויף היינטיקן טאָג. 9 דרום האָט דער לֵוִי ניט געקריגן קיין חלק און קיין נחלה מיט זיינע ברידער; גאָט איז זיין נחלה, אַזוי ווי יהוה דיין גאָט האָט אים צוגעזאָגט.— 10 און איך בין געבליבן אויפן באַרג אַזוי ווי די פריערדיקע טעג, פערציק טעג און פערציק נעכט, און גאָט האָט אויך דאָס מאָל צוגעהערט צו מיר; גאָט האָט ניט געוואָלט דיך אומברענגען. 11 און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: שטיי אויף, גיי, צו ציען פאַרויס פאַרן פאָלק, כּדי זיי זאָלן קומען און אַרבן דאָס לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרן זייערע עלטערן זיי צו געבן.

12 און אַצונד, ישׂראל, וואָס פאַרלאַנגט יהוה דיין גאָט פון דיר? נאָר בלויז מורא צו האָבן פאַר יהוה דיין גאָט, צו גיין אין אַלע זיינע וועגן, און אים ליב צו האָבן, און צו דינען יהוה דיין גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער זעל; 13 צו היטן די געבאָט פון גאָט און זיינע געזעצן, וואָס איך באַפעל דיר היינט פון דיין טובה וועגן. 14 זע, צו יהוה דיין גאָט געהערן די הימלען, און די הימלען פון די הימלען, און די ערד און אַלץ וואָס אויף איר. 15 נאָר צו דיינע עלטערן האָט גאָט געגלוסט, זיי ליב צו האָבן, און ער האָט אויסדערוויילט זייער זאָמען נאָך זיי—אייך—פון אַלע פעלקער, אַזוי ווי היינטיקן טאָג. 16 דרום זאָלט איר באַשניידן די פאָרהויט פון אייער האַרצן, און אייער נאַקן זאָלט איר מער ניט האַרט מאַכן. 17 וואָרום יהוה אייער גאָט, ער איז דער גאָט פון געטער, און דער האַר פון האַרן, דער גרויסער גאָט, דער שטאַרקער, און דער פאָרכטיקער, וואָס שוינט ניט קיין פּנים, און נעמט ניט קיין שוחד. 18 ער טוט גערעכטיקייט דעם יתום און דער אַלמנה, און האָט ליב דעם פרעמדן, אים צו געבן

יט לָכֶם וְשִׂמְלָה׃ וַאֲהַבְתֶּם אֶת־הַגֵּר כִּי־גֵרִים הֱיִיתֶם בְּאֶרֶץ
כ מִצְרָיִם׃ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ תִּירָא אֹתוֹ תַעֲבֹד וּבוֹ תִדְבָּק
כא וּבִשְׁמוֹ תִּשָּׁבֵעַ׃ הוּא תְהִלָּתְךָ וְהוּא אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר־עָשָׂה
אִתְּךָ אֶת־הַגְּדֹלֹת וְאֶת־הַנּוֹרָאֹת הָאֵלֶּה אֲשֶׁר רָאוּ עֵינֶיךָ׃
כב בְּשִׁבְעִים נֶפֶשׁ יָרְדוּ אֲבֹתֶיךָ מִצְרָיְמָה וְעַתָּה שָׂמְךָ יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ כְּכוֹכְבֵי הַשָּׁמַיִם לָרֹב׃

## יא

א וְאָהַבְתָּ אֵת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְשָׁמַרְתָּ מִשְׁמַרְתּוֹ וְחֻקֹּתָיו
ב וּמִשְׁפָּטָיו וּמִצְוֺתָיו כָּל־הַיָּמִים׃ וִידַעְתֶּם הַיּוֹם כִּי ׀ לֹא
אֶת־בְּנֵיכֶם אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּ וַאֲשֶׁר לֹא־רָאוּ אֶת־מוּסַר יְהוָה
ג אֱלֹהֵיכֶם אֶת־גָּדְלוֹ אֶת־יָדוֹ הַחֲזָקָה וּזְרֹעוֹ הַנְּטוּיָה׃ וְאֶת־
אֹתֹתָיו וְאֶת־מַעֲשָׂיו אֲשֶׁר עָשָׂה בְּתוֹךְ מִצְרָיִם לְפַרְעֹה
ד מֶלֶךְ־מִצְרַיִם וּלְכָל־אַרְצוֹ׃ וַאֲשֶׁר עָשָׂה לְחֵיל מִצְרַיִם
לְסוּסָיו וּלְרִכְבּוֹ אֲשֶׁר הֵצִיף אֶת־מֵי יַם־סוּף עַל־פְּנֵיהֶם
ה בְּרָדְפָם אַחֲרֵיכֶם וַיְאַבְּדֵם יְהוָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַאֲשֶׁר
ו עָשָׂה לָכֶם בַּמִּדְבָּר עַד־בֹּאֲכֶם עַד־הַמָּקוֹם הַזֶּה׃ וַאֲשֶׁר
עָשָׂה לְדָתָן וְלַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב בֶּן־רְאוּבֵן אֲשֶׁר פָּצְתָה
הָאָרֶץ אֶת־פִּיהָ וַתִּבְלָעֵם וְאֶת־בָּתֵּיהֶם וְאֶת־אָהֳלֵיהֶם
ז וְאֵת כָּל־הַיְקוּם אֲשֶׁר בְּרַגְלֵיהֶם בְּקֶרֶב כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ כִּי
עֵינֵיכֶם הָרֹאֹת אֵת כָּל־מַעֲשֵׂה יְהוָה הַגָּדֹל אֲשֶׁר עָשָׂה׃
ח וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־כָּל־הַמִּצְוָה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לְמַעַן
תֶּחֶזְקוּ וּבָאתֶם וִירִשְׁתֶּם אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים
ט שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ׃ וּלְמַעַן תַּאֲרִיכוּ יָמִים עַל־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר
נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבֹתֵיכֶם לָתֵת לָהֶם וּלְזַרְעָם אֶרֶץ זָבַת
ששי חָלָב וּדְבָשׁ׃ ס כִּי הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַתָּה בָא־שָׁמָּה
לְרִשְׁתָּהּ לֹא כְאֶרֶץ מִצְרַיִם הִוא אֲשֶׁר יְצָאתֶם מִשָּׁם
יא אֲשֶׁר תִּזְרַע אֶת־זַרְעֲךָ וְהִשְׁקִיתָ בְרַגְלְךָ כְּגַן הַיָּרָק׃ וְהָאָרֶץ

כ׳ קמץ בז״ק

ברויט און אַ קלייד. 19 און איר זאָלט ליב האָבן דעם פרעמדן, וואָרום פרעמדע זייט איר געווען אין לאַנד מִצרַיִם. 20 פֿאַר יהוה דיין גאָט זאָלסטו מורא האָבן, אים זאָלסטו דינען, און אָן אים זאָלסטו זיך באַהעפטן, און בײַ זיין נאָמען זאָלסטו שווערן. 21 ער איז דיין לויב, און ער איז דיין גאָט, וואָס האָט מיט דיר געטאָן דידאָזיקע גרויסע און פֿאָרכטיקע זאַכן, וואָס דיינע אויגן האָבן געזען. 22 מיט זיבעציק נפשות האָבן דיינע עלטערן געניִדערט קיין מִצרַיִם, און אַצונד האָט יהוה דיין גאָט דיך געמאַכט אַזוי ווי די שטערן פֿון הימל אין פֿילקייט.

**יא** 1 דרום זאָלסטו ליב האָבן יהוה דיין גאָט, און היטן זיין היטונג, און זיינע חוקים און זיינע געזעצן און זיינע געבאָט, אַלע טעג. 2 און איר דאַרפֿט וויסן היינט, אַז ניט מיט אײַערע קינדער [רעד איך], וואָס האָבן ניט געקענט און וואָס האָבן ניט געזען די שטראָף פֿון יהוה אײַער גאָט, זיין גרויסקייט, און זיין שטאַרקע האַנט, און זיין אויסגעשטרעקטן אָרעם, 3 און זיינע צייכנס, און זיינע טואונגען וואָס ער האָט געטאָן אין מִצרַיִם צו פַּרעה דעם מלך פֿון מִצרַיִם, און צו זיין גאַנצן לאַנד; 4 און וואָס ער האָט געטאָן צו דעם חיל פֿון מִצרַיִם, צו זיינע פֿערד און צו זיינע רייטוועגן, וואָס ער האָט געמאַכט פֿלייצן איבער זיי די וואַסערן פֿון ים־סוף, ווען זיי האָבן אײַך נאָכגעיאָגט, און גאָט האָט זיי אונטערגעבראַכט ביז אויף הײַנטיקן טאָג; 5 און וואָס ער האָט געטאָן מיט אײַך אין מדבר, ביז איר זייט געקומען צו דעמדאָזיקן אָרט; 6 און וואָס ער האָט געטאָן צו דָתָן און צו אֲבִירָם די זין פֿון אֱלִיאָב דעם זון פֿון ראובן, וואָס די ערד האָט אויפֿגעמאַכט איר מויל, און האָט זיי אײַנגעשלונגען אין מיטן פֿון גאַנץ ישׂראל, מיט זייערע הויזגעזינטן און זייערע געצעלטן, און דעם גאַנצן באַשטאַנד וואָס הינטער זיי; 7 נייערט אײַערע אויגן האָבן געזען אַלדי גרויסע טואונג פֿון גאָט וואָס ער האָט געטאָן. 8 דרום זאָלט איר היטן אַלדאָס געבאָט וואָס איך געביט אײַך הײַנט, כּדי איר זאָלט זיין שטאַרק, און קומען און אַרבן דאָס לאַנד וואָס איר גייט אַריבער אַהין, עס צו אַרבן; 9 און כּדי איר זאָלט מאַאריך־יָמים זיין אויף דער ערד וואָס גאָט האָט געשוואָרן אײַערע עלטערן צו געבן זיי און זייער זאָמען—אַ לאַנד וואָס פֿליסט מיט מילך און האָניק. 10 וואָרום דאָס לאַנד וואָס דו קומסט אַהין, עס צו אַרבן, איז ניט ווי דאָס לאַנד מִצרַיִם, וואָס איר זייט פֿון דאָרטן אַרויסגעגאַנגען, וואָס אַז דו האָסט פֿאַרזייט דיין זאָמען, האָסטו באַוואַסערט מיט דיין פֿוס, אַזוי ווי אַ גאָרטן פֿון גרינס. 11 נייערט דאָס לאַנד

אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ אֶרֶץ הָרִים וּבְקָעֹת
לִמְטַר הַשָּׁמַיִם תִּשְׁתֶּה־מָּיִם׃ אֶרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ יב
דֹּרֵשׁ אֹתָהּ תָּמִיד עֵינֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בָּהּ מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה
וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה׃ ס וְהָיָה אִם־שָׁמֹעַ תִּשְׁמְעוּ אֶל־ יג
מִצְוֹתַי אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם וּלְעָבְדוֹ בְּכָל־לְבַבְכֶם וּבְכָל־נַפְשְׁכֶם׃ וְנָתַתִּי יד
מְטַר־אַרְצְכֶם בְּעִתּוֹ יוֹרֶה וּמַלְקוֹשׁ וְאָסַפְתָּ דְגָנֶךָ וְתִירֹשְׁךָ
וְיִצְהָרֶךָ׃ וְנָתַתִּי עֵשֶׂב בְּשָׂדְךָ לִבְהֶמְתֶּךָ וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ׃ טו
הִשָּׁמְרוּ לָכֶם פֶּן־יִפְתֶּה לְבַבְכֶם וְסַרְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים טז
אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם׃ וְחָרָה אַף־יְהוָה בָּכֶם וְעָצַר יז
אֶת־הַשָּׁמַיִם וְלֹא־יִהְיֶה מָטָר וְהָאֲדָמָה לֹא תִתֵּן אֶת־יְבוּלָהּ
וַאֲבַדְתֶּם מְהֵרָה מֵעַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר יְהוָה נֹתֵן
לָכֶם׃ וְשַׂמְתֶּם אֶת־דְּבָרַי אֵלֶּה עַל־לְבַבְכֶם וְעַל־נַפְשְׁכֶם יח
וּקְשַׁרְתֶּם אֹתָם לְאוֹת עַל־יֶדְכֶם וְהָיוּ לְטוֹטָפֹת בֵּין עֵינֵיכֶם׃
וְלִמַּדְתֶּם אֹתָם אֶת־בְּנֵיכֶם לְדַבֵּר בָּם בְּשִׁבְתְּךָ בְּבֵיתֶךָ יט
וּבְלֶכְתְּךָ בַדֶּרֶךְ וּבְשָׁכְבְּךָ וּבְקוּמֶךָ׃ וּכְתַבְתָּם עַל־מְזוּזוֹת כ
בֵּיתֶךָ וּבִשְׁעָרֶיךָ׃ לְמַעַן יִרְבּוּ יְמֵיכֶם וִימֵי בְנֵיכֶם עַל כא
הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבֹתֵיכֶם לָתֵת לָהֶם כִּימֵי
הַשָּׁמַיִם עַל־הָאָרֶץ׃ ס כִּי אִם־שָׁמֹר תִּשְׁמְרוּן אֶת־ שב' ומפ'
כָּל־הַמִּצְוָה הַזֹּאת אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם לַעֲשֹׂתָהּ
לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לָלֶכֶת בְּכָל־דְּרָכָיו וּלְדָבְקָה־
בוֹ׃ וְהוֹרִישׁ יְהוָה אֶת־כָּל־הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִלִּפְנֵיכֶם וִירִשְׁתֶּם כג
גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצֻמִים מִכֶּם׃ כָּל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר תִּדְרֹךְ כַּף־ כד
רַגְלְכֶם בּוֹ לָכֶם יִהְיֶה מִן־הַמִּדְבָּר וְהַלְּבָנוֹן מִן־הַנָּהָר נְהַר־
פְּרָת וְעַד הַיָּם הָאַחֲרוֹן יִהְיֶה גְּבֻלְכֶם׃ לֹא־יִתְיַצֵּב אִישׁ כה
בִּפְנֵיכֶם פַּחְדְּכֶם וּמוֹרַאֲכֶם יִתֵּן ׀ יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם עַל־פְּנֵי
כָל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר תִּדְרְכוּ־בָהּ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם׃ ס

---

יב' חסר אליף

וואָס איר גייט אַריבער אַהין, עס צו אַרבן, איז אַ לאַנד פון בערג און טאָלן; פון רעגן פון הימל טרינקט עס וואַסער; [12] אַ לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט זאָרגט זיך אום דעם; תמיד זיינען די אויגן פון יהוה דיין גאָט דערויף פון אָנהייב יאָר ביז סוף יאָר.

[13] און עס וועט זיין, אויב צוהערן וועט איר צוהערן צו מיינע געבאָט וואָס איך געביט אײַך היינט, ליב צו האָבן יהוה אײַער גאָט, און אים צו דינען מיט אײַער גאַנצן האַרצן, און מיט אײַער גאַנצער זעל, [14] וועל איך געבן דעם רעגן פון אײַער לאַנד אין זיין צייט, פרירעגן און שפּעטרעגן, און וועסט איינזאַמלען דיין תבואה, און דיין וויין, און דיין אייל. [15] און איך וועל געבן גראָז אין דיין פעלד פאַר דיין בהמה; און וועסט עסן און וועסט זאַט זיין. [16] היט אײַך, אײַער האַרץ זאָל ניט איבערגערעדט ווערן, און איר וועט זיך אָפּקערן, און דינען פרעמדע געטער, און זיך בוקן צו זיי. [17] וואָרום דער צאָרן פון גאָט וועט גרימען אויף אײַך, און ער וועט פאַרשפּאַרן די הימלען, אַז קיין רעגן זאָל ניט זיין, און די ערד וועט ניט געבן איר פרוכט, און איר וועט גיך אונטערגיין פון דעם גוטן לאַנד וואָס גאָט גיט אײַך.

[18] און איר זאָלט אַריינטאָן מיינע דאָזיקע ווערטער אין אײַער האַרצן, און אין אײַער זעל, און איר זאָלט זיי אָנבינדן פאַר אַ צייכן אויף אײַער האַנט, און זיי זאָלן זיין פאַר אַ שטערנבאַנד צווישן אײַערע אויגן. [19] און איר זאָלט זיי לערנען אײַערע קינדער, רעדנדיק דערפון ווען דו זיצסט אין דיין הויז, און ווען דו גייסט אין וועג, און ווען דו לייגסט זיך, און ווען דו שטייסט אויף. [20] און זאָלסט זיי אויפשרייבן אויף די ביישטידלעך פון דיין הויז, און אויף דיינע טויערן; [21] כדי אײַערע טעג און די טעג פון אײַערע קינדער זאָלן זיך מערן אויף דער ערד וואָס גאָט האָט געשוואָרן אײַערע עלטערן זיי צו געבן, אַזוי ווי די טעג פון די הימלען איבער דער ערד.

[22] וואָרום אויב היטן וועט איר היטן אַלדאָסדאָזיקע געבאָט וואָס איך געביט אײַך עס צו טאָן, ליב צו האָבן יהוה אײַער גאָט, צו גיין אין אַלע זיינע וועגן, און זיך צו באַהעפטן אָן אים, [23] וועט גאָט פאַרטרייבן אַלע דידאָזיקע פעלקער פון פאַר אײַך, און איר וועט אַרבן פעלקער גרעסערע און שטאַרקערע פון אײַך. [24] איטלעכער אָרט וואָס אײַער פוס־טריט וועט דערויף טרעטן, וועט געהערן צו אײַך, פון דעם מדבר און דעם לבָנון, פון דעם טייך, דעם טייך פּרָת, און ביזן הינטערשטן ים, וועט זיין אײַער געמאַרק. [25] קיינער וועט ניט באַשטיין פאַר אײַך; יהוה אײַער גאָט וועט געבן אײַער שרעק און אײַער מורא אויף אַלדעם לאַנד וואָס איר וועט טרעטן דערויף, אַזוי ווי ער האָט אײַך צוגעזאָגט.

# רְאֵה

כו כז רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה׃ אֶת־הַבְּרָכָה
אֲשֶׁר תִּשְׁמְעוּ אֶל־מִצְוֹת יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה
כח אֶתְכֶם הַיּוֹם׃ וְהַקְּלָלָה אִם־לֹא תִשְׁמְעוּ אֶל־מִצְוֹת
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְסַרְתֶּם מִן־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה
אֶתְכֶם הַיּוֹם לָלֶכֶת אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא־
כט יְדַעְתֶּם׃ ס וְהָיָה כִּי יְבִיאֲךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֶל־הָאָרֶץ
אֲשֶׁר־אַתָּה בָא־שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ וְנָתַתָּה אֶת־הַבְּרָכָה
ל עַל־הַר גְּרִזִים וְאֶת־הַקְּלָלָה עַל־הַר עֵיבָל׃ הֲלֹא־הֵמָּה
בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן אַחֲרֵי דֶּרֶךְ מְבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ בְּאֶרֶץ הַכְּנַעֲנִי
לא הַיֹּשֵׁב בָּעֲרָבָה מוּל הַגִּלְגָּל אֵצֶל אֵלוֹנֵי מֹרֶה׃ כִּי אַתֶּם
עֹבְרִים אֶת־הַיַּרְדֵּן לָבֹא לָרֶשֶׁת אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה
לב אֱלֹהֵיכֶם נֹתֵן לָכֶם וִירִשְׁתֶּם אֹתָהּ וִישַׁבְתֶּם־בָּהּ׃ וּשְׁמַרְתֶּם
לַעֲשׂוֹת אֵת כָּל־הַחֻקִּים וְאֶת־הַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר אָנֹכִי נֹתֵן
לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם׃

יב

א אֵלֶּה הַחֻקִּים וְהַמִּשְׁפָּטִים אֲשֶׁר תִּשְׁמְרוּן לַעֲשׂוֹת בָּאָרֶץ
אֲשֶׁר נָתַן יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֶיךָ לְךָ לְרִשְׁתָּהּ כָּל־הַיָּמִים
ב אֲשֶׁר־אַתֶּם חַיִּים עַל־הָאֲדָמָה׃ אַבֵּד תְּאַבְּדוּן אֶת־כָּל־
הַמְּקֹמוֹת אֲשֶׁר עָבְדוּ־שָׁם הַגּוֹיִם אֲשֶׁר אַתֶּם יֹרְשִׁים אֹתָם
אֶת־אֱלֹהֵיהֶם עַל־הֶהָרִים הָרָמִים וְעַל־הַגְּבָעוֹת וְתַחַת כָּל־
ג עֵץ רַעֲנָן׃ וְנִתַּצְתֶּם אֶת־מִזְבְּחֹתָם וְשִׁבַּרְתֶּם אֶת־מַצֵּבֹתָם
וַאֲשֵׁרֵיהֶם תִּשְׂרְפוּן בָּאֵשׁ וּפְסִילֵי אֱלֹהֵיהֶם תְּגַדֵּעוּן וְאִבַּדְתֶּם
ד אֶת־שְׁמָם מִן־הַמָּקוֹם הַהוּא׃ לֹא־תַעֲשׂוּן כֵּן לַיהוָה
ה אֱלֹהֵיכֶם׃ כִּי אִם־אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
מִכָּל־שִׁבְטֵיכֶם לָשׂוּם אֶת־שְׁמוֹ שָׁם לְשִׁכְנוֹ תִדְרְשׁוּ
ו וּבָאתָ שָׁמָּה׃ וַהֲבֵאתֶם שָׁמָּה עֹלֹתֵיכֶם וְזִבְחֵיכֶם וְאֵת

[26] זע, איך לייג פאַר אײַך היינט אַ ברכה און אַ קללה; [27] די ברכה, אויב איר וועט צוהערן צו די געבאָט פון יהוה אײַער גאָט, וואָס איך געביט אײַך היינט, [28] און די קללה, אויב איר וועט ניט צוהערן צו די געבאָט פון יהוה אײַער גאָט, און איר וועט זיך אָפּקערן פון דעם וועג וואָס איך באַפעל אײַך היינט, כּדי צו גיין נאָך פרעמדע געטער, וואָס איר קענט ניט. [29] און עס וועט זיין, אַז יהוה דײַן גאָט וועט דיך ברענגען אין דעם לאַנד וואָס דו קומסט אַהין, עס צו אַרבן, זאָלסטו שטעלן די ברכה אויפן באַרג גרזים, און די קללה אויפן באַרג עֵיבָל. [30] יאָ, זיי זײַנען אויף יענער זײַט יַרדן הינטער דעם וועג צו זונאונטערגאַנג צו, אין לאַנד פון דעם כּנַעֲני וואָס זיצט אין דעם פּלוין, אַקעגן גִלגָל, לעבן די אייכנביימער פון מוֹרה. [31] וואָרום איר גייט אַריבער דעם יַרדן צו קומען אַרבן דאָס לאַנד וואָס יהוה אײַער גאָט גיט אײַך, און איר וועט עס אַרבן, און זיך באַזעצן דרינען; [32] זאָלט איר היטן צו טאָן אַלע חוקים און געזעצן וואָס איך לייג פאַר אײַך היינט.

יב [1] דאָס זײַנען די חוקים און די געזעצן וואָס איר זאָלט היטן צו טאָן אין דעם לאַנד וואָס יהוה דער גאָט פון דײַנע עלטערן האָט דיר געגעבן, עס צו אַרבן, אַלע טעג וואָס איר לעבט אויף דער ערד. [2] אונטער־ברענגען זאָלט איר אונטערברענגען אַלע ערטער וואָס די פעלקער וואָס איר ירשעט זיי האָבן דאָרטן געדינט זייערע געטער, אויף די הויכע בערג, און אויף די בערגלעך, און אונטער יעטוועדער צווייגהאַפטיקן בוים. [3] און איר זאָלט אײַנוואַרפן זייערע מזבחות, און צעברעכן זייערע זײַלשטיינער, און זייערע געצנביימער זאָלט איר פאַרברענען אין פייער, און זייערע געשניצטע געטער זאָלט איר אָפּהאַקן, און איר זאָלט אונטערברענגען זייער נאָמען פון יענעם אָרט. [4] איר זאָלט ניט טאָן אַזוי [ווי זיי], צו יהוה אײַער גאָט. [5] נייערט צו דעם אָרט וואָס יהוה אײַער גאָט וועט אויסדערוויילן פון אַלע אײַערע שבטים צו טאָן זײַן נאָמען דאָרטן–צו זײַן רוּונג זאָלט איר אײַך ווענדן, און אַהין זאָלט איר גיין. [6] און אַהין זאָלט איר ברענגען אײַערע בראַנדאָפּפער און אײַערע שלאַכטאָפּפער, און

א זע כו, 11, א. אַ. וו.

מַעְשְׂרֹתֵיכֶם וְאֵת תְּרוּמַת יֶדְכֶם וְנִדְרֵיכֶם וְנִדְבֹתֵיכֶם
וּבְכֹרֹת בְּקַרְכֶם וְצֹאנְכֶם׃ וַאֲכַלְתֶּם־שָׁם לִפְנֵי יְהוָה ז
אֱלֹהֵיכֶם וּשְׂמַחְתֶּם בְּכֹל מִשְׁלַח יֶדְכֶם אַתֶּם וּבָתֵּיכֶם אֲשֶׁר
בֵּרַכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ לֹא תַעֲשׂוּן כְּכֹל אֲשֶׁר אֲנַחְנוּ עֹשִׂים ח
פֹּה הַיּוֹם אִישׁ כָּל־הַיָּשָׁר בְּעֵינָיו׃ כִּי לֹא־בָאתֶם עַד־ ט
עָתָּה אֶל־הַמְּנוּחָה וְאֶל־הַנַּחֲלָה אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן
לָךְ׃ וַעֲבַרְתֶּם אֶת־הַיַּרְדֵּן וִישַׁבְתֶּם בָּאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה י
אֱלֹהֵיכֶם מַנְחִיל אֶתְכֶם וְהֵנִיחַ לָכֶם מִכָּל־אֹיְבֵיכֶם מִסָּבִיב
וִישַׁבְתֶּם־בֶּטַח׃ וְהָיָה הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם שני
בּוֹ לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם שָׁמָּה תָבִיאוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר אָנֹכִי
מְצַוֶּה אֶתְכֶם עוֹלֹתֵיכֶם וְזִבְחֵיכֶם מַעְשְׂרֹתֵיכֶם וּתְרֻמַת
יֶדְכֶם וְכֹל מִבְחַר נִדְרֵיכֶם אֲשֶׁר תִּדְּרוּ לַיהוָה׃ וּשְׂמַחְתֶּם יב
לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אַתֶּם וּבְנֵיכֶם וּבְנֹתֵיכֶם וְעַבְדֵיכֶם
וְאַמְהֹתֵיכֶם וְהַלֵּוִי אֲשֶׁר בְּשַׁעֲרֵיכֶם כִּי אֵין לוֹ חֵלֶק וְנַחֲלָה
אִתְּכֶם׃ הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן־תַּעֲלֶה עֹלֹתֶיךָ בְּכָל־מָקוֹם אֲשֶׁר יג
תִּרְאֶה׃ כִּי אִם־בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִבְחַר יְהוָה בְּאַחַד שְׁבָטֶיךָ יד
שָׁם תַּעֲלֶה עֹלֹתֶיךָ וְשָׁם תַּעֲשֶׂה כֹּל אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּךָּ׃
רַק בְּכָל־אַוַּת נַפְשְׁךָ תִּזְבַּח ׀ וְאָכַלְתָּ בָשָׂר כְּבִרְכַּת יְהוָה טו
אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר נָתַן־לְךָ בְּכָל־שְׁעָרֶיךָ הַטָּמֵא וְהַטָּהוֹר יֹאכְלֶנּוּ
כַּצְּבִי וְכָאַיָּל׃ רַק הַדָּם לֹא תֹאכֵלוּ עַל־הָאָרֶץ תִּשְׁפְּכֶנּוּ טז
כַּמָּיִם׃ לֹא־תוּכַל לֶאֱכֹל בִּשְׁעָרֶיךָ מַעְשַׂר דְּגָנְךָ וְתִירֹשְׁךָ יז
וְיִצְהָרֶךָ וּבְכֹרֹת בְּקָרְךָ וְצֹאנֶךָ וְכָל־נְדָרֶיךָ אֲשֶׁר תִּדֹּר
וְנִדְבֹתֶיךָ וּתְרוּמַת יָדֶךָ׃ כִּי אִם־לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ תֹּאכְלֶנּוּ יח
בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בּוֹ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ
וְעַבְדְּךָ וַאֲמָתֶךָ וְהַלֵּוִי אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ וְשָׂמַחְתָּ לִפְנֵי יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ בְּכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ׃ הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן־תַּעֲזֹב אֶת־ יט
הַלֵּוִי כָּל־יָמֶיךָ עַל־אַדְמָתֶךָ׃ ס כִּי־יַרְחִיב יְהוָה כ
אֱלֹהֶיךָ אֶת־גְּבוּלְךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר־לָךְ וְאָמַרְתָּ אֹכְלָה בָשָׂר

אײַערע מעשׂרס, און די אָפּשײדונג פֿון אײַער האַנט, און אײַערע נדרים, און אײַערע פֿרײַוויליקע גאָבן, און די ערשטלינגען פֿון אײַערע רינדער און אײַערע שאָף. 7 און איר זאָלט דאָרטן עסן פֿאַר יהוה אײַער גאָט, און זיך פֿרײען מיט דעם גאַנצן אויפֿטו פֿון אײַער האַנט, איר און אײַערע הויזגעזינטן, לויט ווי יהוה דײַן גאָט האָט דיך געבענטשט. 8 איר זאָלט ניט טאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס מיר טוען דאָ הײַנט, איטלעכער אַלץ וואָס איז רעכטפֿאַרטיק אין זײַנע אויגן; 9 וואָרום איר זײַט ביז אַצונד ניט געקומען צו דער רו און צו דער אַרבונג וואָס יהוה דײַן גאָט גיט דיר. 10 אָבער אַז איר וועט אַריבערגיין דעם ירדן, און איר וועט זיך באַזעצן אין דעם לאַנד וואָס יהוה אײַער גאָט מאַכט אײַך אַרבן, און ער וועט אײַך באַרוען פֿון אַלע אײַערע פֿײַנט פֿון רונד אַרום, און איר וועט זיצן אין זיכערקייט, 11 זאָל זײַן: דער אָרט וואָס יהוה אײַער גאָט וועט אים אויסדערווײלן צו מאַכן רוען זײַן נאָמען דאָרטן, אַהין זאָלט איר ברענגען אַלץ וואָס איך באַפֿעל אײַך: אײַערע בראַנדאָפּפֿער און אײַערע שלאַכטאָפּפֿער, אײַערע מעשׂרס, און די אָפּשײדונג פֿון אײַער האַנט, און אַלע אײַערע געקליבענע נדרים וואָס איר וועט מנדר זײַן צו גאָט. 12 און איר זאָלט זיך פֿרײען פֿאַר יהוה אײַער גאָט, איר, און אײַערע זין און אײַערע טעכטער, און אײַערע קנעכט און אײַערע דינסטן, און דער לוי וואָס אין אײַערע טויערן; וואָרום ער האָט ניט קיין חלק און קיין נחלה בײַ אײַך. 13 היט דיך, זאָלסט ניט אויפֿברענגען דײַנע בראַנדאָפּפֿער אין איטלעכן אָרט וואָס דו וועסט זען; 14 נײַערט אין דעם אָרט וואָס גאָט וועט אויסדערווײלן אין אײנעם פֿון דײַנע שבטים, דאָרטן זאָלסטו אויפֿברענגען דײַנע בראַנדאָפּפֿער, און דאָרטן זאָלסטו טאָן אַלץ וואָס איך באַפֿעל דיר.

15 אָבער מעגסט וויפֿיל דײַן האַרץ געלוסט שלאַכטן און עסן פֿלייש אין אַלע דײַנע טויערן, ווי נאָך דער מזל־ברכה פֿון יהוה דײַן גאָט וואָס ער האָט דיר געגעבן; דער אומרײנער אַזוי ווי דער רײנער מעג עס עסן, אַזוי ווי אַ הירש און ווי אַ הינד. 16 נאָר דאָס בלוט זאָלט איר ניט עסן; אויף דער ערד זאָלסטו עס אויסגיסן אַזוי ווי וואַסער.

17 טאָרסט ניט עסן אין דײַנע טויערן דעם מעשׂר פֿון דײַן תּבֿואה און דײַן ווײַן און דײַן אײל, און די ערשטלינגען פֿון דײַנע רינדער און דײַנע שאָף, און אַלע נדרים וואָס דו וועסט מנדר זײַן, און דײַנע פֿרײַוויליקע גאָבן, און די אָפּשײדונג פֿון דײַן האַנט; 18 נײַערט פֿאַר יהוה דײַן גאָט זאָלסטו עס עסן, אין דעם אָרט וואָס יהוה דײַן גאָט וועט אים אויסדערווײלן, דו, און דײַן זון און דײַן טאָכטער, און דײַן קנעכט און דײַן דינסט, און דער לוי וואָס אין דײַנע טויערן. און זאָלסט זיך פֿרײען פֿאַר יהוה דײַן גאָט מיט דעם גאַנצן אויפֿטו פֿון דײַן האַנט. 19 היט דיך, זאָלסט ניט פֿאַרלאָזן דעם לוי, אַלע טעג אויף דײַן לאַנד.

20 אַז יהוה דײַן גאָט וועט דערברייטערן דײַן געמאַרק, אַזוי ווי ער האָט דיר צוגעזאָגט, און וועסט זאָגן: „לאָמיך עסן

כִּֽי־תְאַוֶּה נַפְשְׁךָ לֶאֱכֹל בָּשָׂר בְּכָל־אַוַּת נַפְשְׁךָ תֹּאכַל
כא בָּשָׂר׃ כִּֽי־יִרְחַק מִמְּךָ הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
לָשׂוּם שְׁמוֹ שָׁם וְזָבַחְתָּ מִבְּקָרְךָ וּמִצֹּאנְךָ אֲשֶׁר נָתַן
יְהוָה לְךָ כַּאֲשֶׁר צִוִּתִךָ וְאָכַלְתָּ בִּשְׁעָרֶיךָ בְּכֹל אַוַּת
כב נַפְשֶׁךָ׃ אַךְ כַּאֲשֶׁר יֵאָכֵל אֶת־הַצְּבִי וְאֶת־הָאַיָּל כֵּן תֹּאכְלֶנּוּ
כג הַטָּמֵא וְהַטָּהוֹר יַחְדָּו יֹאכְלֶנּוּ׃ רַק חֲזַק לְבִלְתִּי אֲכֹל
הַדָּם כִּי הַדָּם הוּא הַנָּפֶשׁ וְלֹא־תֹאכַל הַנֶּפֶשׁ עִם־הַבָּשָׂר׃
כד כה לֹא תֹּאכְלֶנּוּ עַל־הָאָרֶץ תִּשְׁפְּכֶנּוּ כַּמָּיִם׃ לֹא תֹּאכְלֶנּוּ לְמַעַן
יִיטַב לְךָ וּלְבָנֶיךָ אַחֲרֶיךָ כִּֽי־תַעֲשֶׂה הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה׃
כו רַק קָדָשֶׁיךָ אֲשֶׁר־יִהְיוּ לְךָ וּנְדָרֶיךָ תִּשָּׂא וּבָאתָ אֶל־
כז הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִבְחַר יְהוָה׃ וְעָשִׂיתָ עֹלֹתֶיךָ הַבָּשָׂר וְהַדָּם
עַל־מִזְבַּח יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְדַם־זְבָחֶיךָ יִשָּׁפֵךְ עַל־מִזְבַּח
כח יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְהַבָּשָׂר תֹּאכֵל׃ שְׁמֹר וְשָׁמַעְתָּ אֵת כָּל־
הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּךָּ לְמַעַן יִיטַב לְךָ וּלְבָנֶיךָ
אַחֲרֶיךָ עַד־עוֹלָם כִּי תַעֲשֶׂה הַטּוֹב וְהַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה
שלי׳ אֱלֹהֶיךָ׃ ס כִּֽי־יַכְרִית יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֶת־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר
אַתָּה בָא־שָׁמָּה לָרֶשֶׁת אוֹתָם מִפָּנֶיךָ וְיָרַשְׁתָּ אֹתָם וְיָשַׁבְתָּ
ל בְּאַרְצָם׃ הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן־תִּנָּקֵשׁ אַחֲרֵיהֶם אַחֲרֵי הִשָּׁמְדָם
מִפָּנֶיךָ וּפֶן־תִּדְרֹשׁ לֵאלֹהֵיהֶם לֵאמֹר אֵיכָה יַעַבְדוּ הַגּוֹיִם
לא הָאֵלֶּה אֶת־אֱלֹהֵיהֶם וְאֶעֱשֶׂה־כֵּן גַּם־אָנִי׃ לֹא־תַעֲשֶׂה
כֵן לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ כִּי כָל־תּוֹעֲבַת יְהוָה אֲשֶׁר שָׂנֵא עָשׂוּ
לֵאלֹהֵיהֶם כִּי גַם אֶת־בְּנֵיהֶם וְאֶת־בְּנֹתֵיהֶם יִשְׂרְפוּ בָאֵשׁ
לֵאלֹהֵיהֶם׃

יג

א אֵת כָּל־הַדָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם אֹתוֹ תִשְׁמְרוּ
לַעֲשׂוֹת לֹא־תֹסֵף עָלָיו וְלֹא תִגְרַע מִמֶּנּוּ׃ פ
ב כִּֽי־יָקוּם בְּקִרְבְּךָ נָבִיא אוֹ חֹלֵם חֲלוֹם וְנָתַן אֵלֶיךָ אוֹת

כא׳ חסר יו״ד

פלייש", ווייל דיין האַרץ וועט געלוסטן צו עסן פלייש, מעגסטו עסן פלייש וויפיל דיין האַרץ געלוסט. [21] אויב עס וועט זיין ווייט פון דיר דער אָרט וואָס יהוה דיין גאָט וועט אויסדערוויילן צו טאָן זיין נאָמען דאָרטן, זאָלסטו שלאַכטן פון דיינע רינדער און פון דיינע שאָף וואָס גאָט האָט דיר געגעבן, אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן, און עסן אין דיינע טויערן וויפיל דיין האַרץ געלוסט. [22] אָבער ווי מע עסט אַ הירש און אַ הינד, אַזוי זאָלסטו עס עסן; דער אומריינער און דער ריינער אין איינעם מעג עס עסן. [23] נאָר זיי פעסט ניט צו עסן דאָס בלוט, וואָרום דאָס בלוט איז דאָס לעבן, און טאָרסט ניט עסן דאָס לעבן מיטן פלייש. [24] זאָלסט עס ניט עסן; אויף דער ערד זאָלסטו עס אויסגיסן אַזוי ווי וואַסער. [25] זאָלסט עס ניט עסן, כּדי עס זאָל גוט זיין דיר און דיינע קינדער נאָך דיר, אַז דו וועסט טאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט.

[26] נאָר דיינע געהייליקטע זאַכן וואָס וועלן זיין ביי דיר, און דיינע נדרים, זאָלסטו נעמען און גיין צו דעם אָרט וואָס גאָט וועט אויסדערוויילן; [27] און זאָלסט מאַכן דיינע בראַנדאָפּפער, דאָס פלייש און דאָס בלוט, אויף דעם מזבח פון יהוה דיין גאָט; און דאָס בלוט פון דיינע שלאַכטאָפּפער זאָל אויסגעגאָסן ווערן אויף דעם מזבח פון גאָט דיין האַר, און דאָס פלייש זאָלסטו עסן. [28] היט און זאָלסט געהאָרכן אַלע דידאָזיקע ווערטער וואָס איך באַפעל דיר, כּדי עס זאָל גוט זיין דיר און דיינע קינדער נאָך דיר ביז אייביק, אַז דו וועסט טאָן וואָס איז גוט און רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון יהוה דיין גאָט.

[29] אַז יהוה דיין גאָט וועט פאַרשניידן די פעלקער וואָס דו קומסט אַהין, זיי צו פאַרטרייבן פון פאַר דיר, און וועסט זיי ירשענען, און זיך באַזעצן אין זייער לאַנד, [30] היט דיך, זאָלסט ניט געשטרויכלט ווערן זיי נאָכצוטאָן, נאָכדעם ווי זיי וועלן פאַרטיליקט ווערן פון פאַר דיר, און זאָלסט ניט נאָכפרעגן נאָך זייערע געטער, אַזוי צו זאָגן: ווי פלעגן די דאָזיקע פעלקער דינען זייערע געטער? טאָ לאָמיך אויך אַזוי טאָן. [31] זאָלסט ניט טאָן אַזוי צו יהוה דיין גאָט; וואָרום יעטוועדער אומווערדיקייט פון יהוה, וואָס ער האָט פיינט, האָבן זיי געטאָן צו זייערע געטער; וואָרום אַפילו זייערע זין און זייערע טעכטער פאַרברענען זיי אין פייער צו זייערע געטער.

יג [1] אַלדאָס וואָרט וואָס איך באַפעל אייך, דאָס זאָלט איר היטן צו טאָן; זאָלסט ניט צולייגן דערצו, און זאָלסט ניט מינערן דערפון.

[2] אַז צווישן דיר וועט אויפשטיין אַ נביא, אָדער אַ חלומער פון חלומות, און ער וועט דיר געבן אַ צייכן

ג אוֹ מוֹפֵֽת׃ וּבָא הָאוֹת וְהַמּוֹפֵת אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֵלֶיךָ לֵאמֹר
נֵלְכָה אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא־יְדַעְתָּם וְנָעָבְדֵֽם׃
ד לֹא תִשְׁמַע אֶל־דִּבְרֵי הַנָּבִיא הַהוּא אוֹ אֶל־חוֹלֵם הַחֲלוֹם
הַהוּא כִּי מְנַסֶּה יְהֹוָה אֱלֹהֵיכֶם אֶתְכֶם לָדַעַת הֲיִשְׁכֶם
אֹהֲבִים אֶת־יְהֹוָה אֱלֹהֵיכֶם בְּכָל־לְבַבְכֶם וּבְכָל־נַפְשְׁכֶֽם׃
ה אַחֲרֵי יְהֹוָה אֱלֹהֵיכֶם תֵּלֵכוּ וְאֹתוֹ תִירָאוּ וְאֶת־מִצְוֺתָיו
ו תִּשְׁמֹרוּ וּבְקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ וְאֹתוֹ תַעֲבֹדוּ וּבוֹ תִדְבָּקֽוּן׃ וְהַנָּבִיא
הַהוּא אוֹ חֹלֵם הַחֲלוֹם הַהוּא יוּמָת כִּי דִבֶּר־סָרָה עַל־
יְהֹוָה אֱלֹהֵיכֶם הַמּוֹצִיא אֶתְכֶם ׀ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וְהַפֹּדְךָ
מִבֵּית עֲבָדִים לְהַדִּֽיחֲךָ מִן־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר צִוְּךָ יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ
ז לָלֶכֶת בָּהּ וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּֽךָ׃ ס כִּי יְסִֽיתְךָ אָחִיךָ
בֶן־אִמֶּךָ אֽוֹ־בִנְךָ אֽוֹ־בִתְּךָ אוֹ ׀ אֵשֶׁת חֵיקֶךָ אוֹ רֵעֲךָ אֲשֶׁר
כְּנַפְשְׁךָ בַּסֵּתֶר לֵאמֹר נֵלְכָה וְנַעַבְדָה אֱלֹהִים אֲחֵרִים
ח אֲשֶׁר לֹא יָדַעְתָּ אַתָּה וַאֲבֹתֶֽיךָ׃ מֵאֱלֹהֵי הָעַמִּים אֲשֶׁר
סְבִיבֹתֵיכֶם הַקְּרֹבִים אֵלֶיךָ אוֹ הָרְחֹקִים מִמֶּךָּ מִקְצֵה
ט הָאָרֶץ וְעַד־קְצֵה הָאָֽרֶץ׃ לֹא־תֹאבֶה לוֹ וְלֹא תִשְׁמַע אֵלָיו
י וְלֹא־תָחוֹס עֵֽינְךָ עָלָיו וְלֹֽא־תַחְמֹל וְלֹא־תְכַסֶּה עָלָֽיו׃ כִּי
הָרֹג תַּהַרְגֶנּוּ יָדְךָ תִּֽהְיֶה־בּוֹ בָרִאשׁוֹנָה לַהֲמִיתוֹ וְיַד כָּל־
יא הָעָם בָּאַחֲרֹנָֽה׃ וּסְקַלְתּוֹ בָאֲבָנִים וָמֵת כִּי בִקֵּשׁ לְהַדִּֽיחֲךָ
מֵעַל יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ הַמּוֹצִֽיאֲךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִֽים׃
יב וְכָל־יִשְׂרָאֵל יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּן וְלֹֽא־יוֹסִפוּ לַעֲשׂוֹת כַּדָּבָר
יג הָרָע הַזֶּה בְּקִרְבֶּֽךָ׃ ס כִּֽי־תִשְׁמַע בְּאַחַת עָרֶיךָ אֲשֶׁר
יד יְהֹוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ לָשֶׁבֶת שָׁם לֵאמֹֽר׃ יָצְאוּ אֲנָשִׁים
בְּנֵֽי־בְלִיַּעַל מִקִּרְבֶּךָ וַיַּדִּיחוּ אֶת־יֹשְׁבֵי עִירָם לֵאמֹר נֵלְכָה
טו וְנַעַבְדָה אֱלֹהִים אֲחֵרִים אֲשֶׁר לֹא־יְדַעְתֶּֽם׃ וְדָרַשְׁתָּ
וְחָקַרְתָּ וְשָׁאַלְתָּ הֵיטֵב וְהִנֵּה אֱמֶת נָכוֹן הַדָּבָר נֶעֶשְׂתָה
טז הַתּוֹעֵבָה הַזֹּאת בְּקִרְבֶּֽךָ׃ הַכֵּה תַכֶּה אֶת־יֹשְׁבֵי הָעִיר

ו׳ קמץ ברביע

אָדער אַ ווּנדער— 3 און דער צייכן און דאָס ווּנדער וואָס ער האָט דיר פֿאַרויסגעזאָגט, וועט אָנקומען—אַזוי צו זאָגן: לאָמיר גיין נאָך פֿרעמדע געטער—וואָס דו קענסט ניט—און לאָמיר זיי דינען; 4 זאָלסטו ניט צוהערן צו די ווערטער פֿון יענעם נביא, אָדער יענעם חלומער פֿון חלומות, וואָרום דאָס פּרוּווט אייַך יהוה אייַער גאָט, כּדי צו וויסן אויב איר האָט ליב יהוה אייַער גאָט מיט אייַער גאַנצן האַרצן און מיט אייַער גאַנצער זעל. 5 נאָך יהוה אייַער גאָט זאָלט איר גיין, און פֿאַר אים זאָלט איר מורא האָבן, און זייַנע געבאָט זאָלט איר היטן, און צו זייַן קול זאָלט איר צוהערן, און אים זאָלט איר דינען, און אָן אים זאָלט איר זיך באַהעפֿטן. 6 און יענער נביא אָדער יענער חלומער פֿון חלומות זאָל געטייט ווערן, ווייל ער האָט גערעדט אָפּקערונג קעגן יהוה אייַער גאָט, וואָס האָט אייַך אַרויסגעצויגן פֿון לאַנד מִצרַיִם, און וואָס האָט דיך אויסגעלייזט פֿון דעם הויז פֿון קנעכטשאַפֿט—כּדי דיך אַראָפּצופֿירן פֿון דעם וועג וואָס יהוה דייַן גאָט האָט דיר באַפֿוילן צו גיין אין אים. און זאָלסט אויסראַמען דאָס בייז פֿון צווישן דיר.

7 אַז דייַן ברודער, דער זון פֿון דייַן מוטער, אָדער דייַן זון, אָדער דייַן טאָכטער, אָדער די ווייב פֿון דייַן בוזעם, אָדער דייַן חבר, וואָס איז אַזוי ווי דייַן אייגן זעל, וועט דיך אָנרעדן אין פֿאַרבאָרגעניש, אַזוי צו זאָגן: לאָמיר גיין און דינען פֿרעמדע געטער—וואָס ניט דו האָסט געקענט, ניט דייַנע עלטערן; 8 פֿון די געטער פֿון די פֿעלקער וואָס אַרום אייַך, פֿון די וואָס זייַנען נאָענט צו דיר, אָדער פֿון די וואָס זייַנען ווייט פֿון דיר, פֿון עק ערד ביז עק ערד— 9 זאָלסטו ניט אייַנוויליקן צו אים, און ניט צוהערן צו אים, און דייַן אויג זאָל אים ניט שוינען, און זאָלסט זיך ניט דערבאַרימען, און אים ניט פֿאַרדעקן. 10 נייערט הרגען זאָלסטו אים; דייַן האַנט זאָל זייַן אויף אים די ערשטע אים צו טייטן, און דערנאָך די האַנט פֿון גאַנצן פֿאָלק. 11 און זאָלסט אים פֿאַרוואַרפֿן מיט שטיינער, און ער זאָל שטאַרבן, דערפֿאַר וואָס ער האָט דיך געזוכט אַראָפּצופֿירן פֿון יהוה דייַן גאָט, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פֿון לאַנד מִצרַיִם, פֿון דעם הויז פֿון קנעכטשאַפֿט. 12 און גאַנץ ישׂראל וועלן הערן און וועלן מורא האָבן, און וועלן מער ניט טאָן אַזוי ווי דידאָזיקע שלעכטע זאַך צווישן דיר.

13 אַז דו וועסט הערן אין איינער פֿון דייַנע שטעט וואָס יהוה דייַן גאָט גיט דיר, צו וווינען דאָרטן, אַזוי צו זאָגן: 14 עס זייַנען אַרויסגעגאַנגען נידערטרעכטיקע לייט פֿון צווישן דיר, און האָבן אַראָפּגעפֿירט די באַוווינער פֿון זייער שטאָט, אַזוי צו זאָגן: לאָמיר גיין און דינען פֿרעמדע געטער—וואָס איר קענט ניט; 15 און וועסט נאָכזוכן און אויספֿאָרשן און גוט נאָכפֿרעגן, ערשט די זאַך איז אמת ריכטיק, דידאָזיקע אומווערדי־קייט איז געטאָן געוואָרן צווישן דיר, 16 זאָלסטו שלאָגן דערשלאָגן די באַוווינער פֿון דערדאָזיקער שטאָט

מיטן שאַרף פון שווערד; פאַרוויסט זי—אַלע וואָס אין איר, און אירע בהמות, מיטן שאַרף פון שווערד. [17] און איר גאַנצן זאַקרויב זאָלסטו צונויפקלייבן אין מיטן פון איר מאַרק, און פאַרברענען אין פייער די שטאָט מיט איר גאַנצן זאַקרויב, אין גאַנצן צו יהוה דיין גאָט, און זי זאָל זיין אַן אייביקער חורבה־הויפן; זי זאָל מער ניט אָפּגע־בויט ווערן. [18] און קיין שום זאַך פון דעם חרם זאָל זיך ניט אָנקלעפּן אין דיין האַנט, כּדי גאָט זאָל זיך אָפּקערן פון זיין גרימצאָרן, און דיר שענקען דערבאַרימונג, און זיך דערבאַרימען אויף דיר, און דיך מערן, אַזוי ווי ער האָט געשוואָרן צו דיינע עלטערן; [19] אַז דו וועסט צוהערן צו דעם קָול פון יהוה דיין גאָט, צו היטן אַלע זיינע געבאָט וואָס איך געביט דיר היינט, צו טאָן וואָס איז רעכטפאַר־טיק אין די אויגן פון יהוה דיין גאָט.

יד [1] קינדער זייט איר צו יהוה אַייער גאָט; איר זאָלט אַייך ניט אַיינשניידן, און ניט מאַכן אַ פּליך צווישן אַייערע אויגן, נאָך אַ טויטן. [2] וואָרום אַ הייליק פאָלק ביסטו ביי יהוה דיין גאָט, און דיך האָט גאָט אויסדער־ווילט אים צו זיין פאַר אַן אייגן פאָלק, פון אַלע פעלקער וואָס אויפן געזיכט פון דער ערד.

[3] זאָלסט ניט עסן קיין אומווערדיקייט. [4] דאָס זיינען די בהמות וואָס איר מעגט עסן: אַן אָקס, אַ שעפּס, און אַ ציג, [5] אַ הינד, און אַ הירש, און אַ דאַמהירש, און אַ שטיינבאָק, און אַ גאַזעל, און אַ ווילדציג, און אַ באַרגשעפּס. [6] און איטלעכע בהמה וואָס איז באַקלויט מיט קלויען, און זיי זיינען ביי איר צעשפּאָלטן אויף צווי קלויען, וואָס איז מַעֲלֵה־גֵרָה צווישן בהמות, זי מעגט איר עסן. [7] אָבער דידאָזיקע טאָרט איר ניט עסן פון די וואָס זיינען מַעֲלֵה־גֵרָה, און פון די וואָס זיינען באַקלויט מיט צעשפּאָלטענע קלויען: דעם קעמל, און דעם האָז, און דעם קיניגל, ווייל מַעֲלֵה־גֵרָה זיינען זיי, אָבער מיט קלויען זיינען זיי ניט באַקלויט; זיי זיינען אומריין פאַר אַייך. [8] און דעם חזיר, ווייל באַקלויט מיט קלויען איז ער, אָבער ניט מַעֲלֵה־גֵרָה; ער איז אומריין פאַר אַייך. פון זייער פלייש טאָרט איר ניט עסן, און אָן זייער נבֵלה טאָרט איר זיך ניט אָנרירן.

[9] דידאָזיקע מעגט איר עסן פון אַלץ וואָס אין וואַסער: אַלץ וואָס האָט פלוספעדערן און שופּן מעגט איר עסן; [10] און אַלץ וואָס האָט ניט פלוספעדערן און שופּן טאָרט איר ניט עסן; דאָס איז אומריין פאַר אַייך.

[11] יעטוועדער ריינעם עוֹף מעגט איר עסן. [12] און דאָס זיינען די וואָס איר טאָרט פון זיי ניט עסן: דער אָדלער, און דער ביינברעכער, און דער שוואַרצאָדלער; [13] און די ווײַ, און דער פאַלקפויגל, און דער האַביך לויט זיינע מינים; [14] און יעטוועדער ראָב לויט זיינע מינים; [15] און דער שטרויספויגל, און דער נאַכטשפּאַרבער, און

הַהִוא לְפִי־חָרֶב הַחֲרֵם אֹתָהּ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־בָּהּ וְאֶת־
יז בְּהֶמְתָּהּ לְפִי־חָרֶב׃ וְאֶת־כָּל־שְׁלָלָהּ תִּקְבֹּץ אֶל־תּוֹךְ
רְחֹבָהּ וְשָׂרַפְתָּ בָאֵשׁ אֶת־הָעִיר וְאֶת־כָּל־שְׁלָלָהּ כָּלִיל
יח לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ וְהָיְתָה תֵּל עוֹלָם לֹא תִבָּנֶה עוֹד׃ וְלֹא־
יִדְבַּק בְּיָדְךָ מְאוּמָה מִן־הַחֵרֶם לְמַעַן יָשׁוּב יְהוָה מֵחֲרוֹן
אַפּוֹ וְנָתַן־לְךָ רַחֲמִים וְרִחַמְךָ וְהִרְבֶּךָ כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע
יט לַאֲבֹתֶיךָ׃ כִּי תִשְׁמַע בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹר אֶת־
כָּל־מִצְוֺתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לַעֲשׂוֹת הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ ס

יד

רב׳ בָּנִים אַתֶּם לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם לֹא תִתְגֹּדְדוּ וְלֹא־תָשִׂימוּ
ב קָרְחָה בֵּין עֵינֵיכֶם לָמֵת׃ כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַיהוָה
אֱלֹהֶיךָ וּבְךָ בָּחַר יְהוָה לִהְיוֹת לוֹ לְעַם סְגֻלָּה מִכֹּל
ג הָעַמִּים אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ ס לֹא תֹאכַל כָּל־
ד תּוֹעֵבָה׃ זֹאת הַבְּהֵמָה אֲשֶׁר תֹּאכֵלוּ שׁוֹר שֵׂה כְשָׂבִים
ה ו וְשֵׂה עִזִּים׃ אַיָּל וּצְבִי וְיַחְמוּר וְאַקּוֹ וְדִישֹׁן וּתְאוֹ וָזָמֶר׃ וְכָל־
בְּהֵמָה מַפְרֶסֶת פַּרְסָה וְשֹׁסַעַת שֶׁסַע שְׁתֵּי פְרָסוֹת מַעֲלַת
ז גֵּרָה בַּבְּהֵמָה אֹתָהּ תֹּאכֵלוּ׃ אַךְ אֶת־זֶה לֹא תֹאכְלוּ
מִמַּעֲלֵי הַגֵּרָה וּמִמַּפְרִיסֵי הַפַּרְסָה הַשְּׁסוּעָה אֶת־הַגָּמָל
וְאֶת־הָאַרְנֶבֶת וְאֶת־הַשָּׁפָן כִּי־מַעֲלֵה גֵרָה הֵמָּה וּפַרְסָה
ח לֹא הִפְרִיסוּ טְמֵאִים הֵם לָכֶם׃ וְאֶת־הַחֲזִיר כִּי־מַפְרִיס
פַּרְסָה הוּא וְלֹא גֵרָה טָמֵא הוּא לָכֶם מִבְּשָׂרָם לֹא תֹאכֵלוּ
ט וּבְנִבְלָתָם לֹא תִגָּעוּ׃ ס אֶת־זֶה תֹּאכְלוּ מִכֹּל אֲשֶׁר
י בַּמָּיִם כֹּל אֲשֶׁר־לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת תֹּאכֵלוּ׃ וְכֹל אֲשֶׁר
אֵין־לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת לֹא תֹאכֵלוּ טָמֵא הוּא לָכֶם׃ ס
יא יב כָּל־צִפּוֹר טְהֹרָה תֹּאכֵלוּ׃ וְזֶה אֲשֶׁר לֹא־תֹאכְלוּ מֵהֶם
יג הַנֶּשֶׁר וְהַפֶּרֶס וְהָעָזְנִיָּה׃ וְהָרָאָה וְאֶת־הָאַיָּה וְהַדַּיָּה לְמִינָהּ׃
יד טו וְאֵת כָּל־עֹרֵב לְמִינוֹ׃ וְאֵת בַּת הַיַּעֲנָה וְאֶת־הַתַּחְמָס וְאֶת־

טז הַשַּׁחַף וְאֶת־הַנֵּץ לְמִינֵהוּ׃ אֶת־הַכּוֹס וְאֶת־הַיַּנְשׁוּף
יז יח וְהַתִּנְשָׁמֶת׃ וְהַקָּאָת וְאֶת־הָרָחָמָה וְאֶת־הַשָּׁלָךְ׃ וְהַחֲסִידָה
יט וְהָאֲנָפָה לְמִינָהּ וְהַדּוּכִיפַת וְהָעֲטַלֵּף׃ וְכֹל שֶׁרֶץ הָעוֹף טָמֵא
כ כא הוּא לָכֶם לֹא יֵאָכֵלוּ׃ כָּל־עוֹף טָהוֹר תֹּאכֵלוּ׃ לֹא תֹאכְלוּ
כָל־נְבֵלָה לַגֵּר אֲשֶׁר־בִּשְׁעָרֶיךָ תִּתְּנֶנָּה וַאֲכָלָהּ אוֹ מָכֹר
לְנָכְרִי כִּי עַם קָדוֹשׁ אַתָּה לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ לֹא־תְבַשֵּׁל גְּדִי
בַּחֲלֵב אִמּוֹ׃ פ
חמ׳ עַשֵּׂר תְּעַשֵּׂר אֵת כָּל־תְּבוּאַת זַרְעֶךָ הַיֹּצֵא הַשָּׂדֶה שָׁנָה
כג שָׁנָה׃ וְאָכַלְתָּ לִפְנֵי ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִבְחַר
לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם מַעְשַׂר דְּגָנְךָ תִּירֹשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ וּבְכֹרֹת
בְּקָרְךָ וְצֹאנֶךָ לְמַעַן תִּלְמַד לְיִרְאָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ כָּל־
כד הַיָּמִים׃ וְכִי־יִרְבֶּה מִמְּךָ הַדֶּרֶךְ כִּי לֹא תוּכַל שְׂאֵתוֹ
כִּי־יִרְחַק מִמְּךָ הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לָשׂוּם
כה שְׁמוֹ שָׁם כִּי יְבָרֶכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ וְנָתַתָּה בַּכָּסֶף וְצַרְתָּ
הַכֶּסֶף בְּיָדְךָ וְהָלַכְתָּ אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה
כו אֱלֹהֶיךָ בּוֹ׃ וְנָתַתָּה הַכֶּסֶף בְּכֹל אֲשֶׁר־תְּאַוֶּה נַפְשְׁךָ בַּבָּקָר
וּבַצֹּאן וּבַיַּיִן וּבַשֵּׁכָר וּבְכֹל אֲשֶׁר תִּשְׁאָלְךָ נַפְשֶׁךָ וְאָכַלְתָּ
כז שָּׁם לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְשָׂמַחְתָּ אַתָּה וּבֵיתֶךָ׃ וְהַלֵּוִי
אֲשֶׁר־בִּשְׁעָרֶיךָ לֹא תַעַזְבֶנּוּ כִּי אֵין לוֹ חֵלֶק וְנַחֲלָה עִמָּךְ׃
כח ס מִקְצֵה ׀ שָׁלֹשׁ שָׁנִים תּוֹצִיא אֶת־כָּל־מַעְשַׂר תְּבוּאָתְךָ
כט בַּשָּׁנָה הַהִוא וְהִנַּחְתָּ בִּשְׁעָרֶיךָ׃ וּבָא הַלֵּוִי כִּי אֵין־לוֹ חֵלֶק
וְנַחֲלָה עִמָּךְ וְהַגֵּר וְהַיָּתוֹם וְהָאַלְמָנָה אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ וְאָכְלוּ
וְשָׂבֵעוּ לְמַעַן יְבָרֶכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכָל־מַעֲשֵׂה יָדְךָ אֲשֶׁר
תַּעֲשֶׂה׃ ס

טו

ששי ב מִקֵּץ שֶׁבַע־שָׁנִים תַּעֲשֶׂה שְׁמִטָּה׃ וְזֶה דְּבַר הַשְּׁמִטָּה
שָׁמוֹט כָּל־בַּעַל מַשֵּׁה יָדוֹ אֲשֶׁר יַשֶּׁה בְּרֵעֵהוּ לֹא־יִגֹּשׂ
אֶת־רֵעֵהוּ וְאֶת־אָחִיו כִּי־קָרָא שְׁמִטָּה לַיהוָה׃ אֶת־הַנָּכְרִי ג

דער ים־פויגל, און דער שפּאַרבער לויט זיינע מינים; [16] די אַייל, און די שטאָקאַייל, און דער אוהו; [17] און דער פּעליקאַן, און דער גײַער, און דער פישפרעסער; [18] און דער שטאָרך, און דער בושל לויט זיינע מינים, און דער אויערהאָן, און די פלעדערמויז. [19] און יעטוועדער גע־פליגלטע ווידמענונג איז אומריין פאַר אײַך; זיי טאָרן ניט געגעסן ווערן. [20] יעטוועדער ריינעם עוף מעגט איר עסן.

[21] איר זאָלט ניט עסן קיין נבֵלה; דעם אַיינגע־וואַנדערטן וואָס אין דיינע טויערן מעגסטו עס אַוועק־געבן, ער זאָל עס עסן; אָדער פאַרקויפן צו אַ פרעמדן; וואָרום אַ הייליק פאָלק ביסטו בײַ יהוה דיין גאָט.

זאָלסט ניט קאָכן אַ ציקעלע אין זיין מוטערס מילך.

[22] מעשׂרן זאָלסטו מעשׂרן דעם גאַנצן אַיינטראָג פון דיין זריעה, וואָס קומט אַרויס פון דיין פעלד יאָריערלעך. [23] און זאָלסט עסן פאַר יהוה דיין גאָט, אין דעם אָרט וואָס ער וועט אויסדערוויילן צו מאַכן רוען זיין נאָמען דאָרטן, דעם מעשׂר פון דיין תּבואה, פון דיין וויין, און פון דיין אייל, און די ערשטלינגען פון דיינע רינדער און דיינע שאָף, כּדי זאָלסט לערנען מורא צו האָבן פאַר יהוה דיין גאָט אַלע טעג. [24] און אויב דער וועג וועט זיין צו פיל פאַר דיר, אויב דו וועסט עס ניט קענען אַוועקטראָגן, ווייל דער אָרט וואָס יהוה דיין גאָט וועט אים אויסדער־ווײלן צו טאָן זיין נאָמען דאָרטן, וועט זיין צו ווייט פאַר דיר, אַז יהוה דיין גאָט וועט דיך בענטשן, [25] זאָלסטו עס מאַכן צו געלט, און נעמען דאָס געלט אַיינגעבונדן אין דיין האַנט, און גיין צו דעם אָרט וואָס יהוה דיין גאָט וועט אים אויסדערוויילן; [26] און זאָלסט אויסגעבן דאָס געלט אויף אַלץ וואָס דיין האַרץ וועט געלוסטן, אויף רינדער און אויף שאָף און אויף וויין און אויף געטראַנק, און אויף אַלץ וואָס דיין האַרץ פאַרלאַנגט דיר; און זאָלסט דאָרטן עסן פאַר יהוה דיין גאָט, און זיך פרייען, דו און דיין הויזגעזינט. [27] און דעם לֵוִי וואָס אין דיינע טויערן, אים זאָלסטו ניט פאַרלאָזן, וואָרום ער האָט ניט קיין חלק און קיין נחלה בײַ דיר.

[28] צום סוף פון אַלע דריי יאָר—אין יענעם יאָר זאָלסטו אַרויסטראָגן דעם גאַנצן מעשׂר פון דיין תּבואה, און אַוועק־לייגן אין דיינע טויערן. [29] און עס זאָל קומען דער לֵוִי, ווייל ער האָט ניט קיין חלק און קיין נחלה בײַ דיר, און דער פרעמדער, און דער יתום, און די אַלמנה, וואָס אין דיינע טויערן, און זיי זאָלן עסן און זאַט זיין, כּדי יהוה דיין גאָט זאָל דיך בענטשן אין יעטוועדער טואונג פון דיין האַנט וואָס דו וועסט טאָן.

## טו

[1] צום סוף פון אַלע זיבן יאָר זאָלסטו מאַכן שמיטה. [2] און דאָס איז דער דין פון שמיטה: יעטוועדער בעל־חוב זאָל אָפּלאָזן וואָס ער האָט געליען זיין חבר; ער זאָל ניט מאָנען פון זיין חבר און זיין ברודער, ווען מע האָט אויסגערופן שמיטה צו גאָט. [3] פון דעם פרעמדן מעגסטו מאָנען, אָבער פון וואָס

דיר קומט בײַ דײַן חבר זאָלסטו אָפּלאָזן דײַן האַנט. [4] פֿון דעסטוועגן וועט ניט זײַן בײַ דיר אַן אביון, וואָרום בענטשן וועט דיך גאָט בענטשן אין דעם לאַנד וואָס יהוה דײַן גאָט גיט דיר פֿאַר אַ נחלה, עס צו אַרבן; [5] אויב נאָר צוהערן וועסטו צוהערן צו דעם קול פֿון יהוה דײַן גאָט, צו היטן צו טאָן אַלדאָסדאָזיקע געבאָט וואָס איך געביט דיר הײַנט. [6] וואָרום יהוה דײַן גאָט וועט דיך בענטשן אַזוי ווי ער האָט דיר צוגעזאָגט, און וועסט אַנטלײַען צו פֿיל פֿעלקער, און דו אַלײן וועסט ניט לײַען, און וועסט געוועלטיקן איבער פֿיל פֿעלקער, און איבער דיר וועט מען ניט געוועלטיקן.

[7] אַז בײַ דיר וועט זײַן אַן אביון, אײנער פֿון דײַנע ברידער, אין אײנעם פֿון דײַנע טויערן, אין דײַן לאַנד וואָס יהוה דײַן גאָט גיט דיר, זאָלסטו ניט האַרט מאַכן דײַן האַרץ, און ניט צודריקן דײַן האַנט פֿאַר דײַן ברודער דעם אביון. [8] נײַערט עפֿענען זאָלסטו אים עפֿענען דײַן האַנט, און אַנטלײַען זאָלסטו אים אַנטלײַען גענוג פֿאַר זײַן באַדערפֿעניש וואָס ער באַדאַרף. [9] היט דיך, עס זאָל ניט זײַן אין דײַן האַרצן אַ בײזער געדאַנקען, אַזוי צו זאָגן: דאָס זיבעטע יאָר, דאָס יאָר פֿון שמיטה, דערנענטערט זיך; און דײַן אויג וועט זײַן שלעכט צו דײַן ברודער דעם אביון, און וועסט אים ניט געבן, און ער וועט רופֿן איבער דיר צו גאָט, און אויף דיר וועט זײַן אַ זינד. [10] געבן זאָלסטו אים געבן, און דײַן האַרץ זאָל ניט פֿאַרדריסן ווען דו גיסט אים, וואָרום פֿון וועגן דערדאָזיקער זאַך וועט דיך יהוה דײַן גאָט בענטשן אין אַלץ וואָס דו טוסט, און אין אַלץ צו וואָס דײַן האַנט נעמט זיך. [11] וואָרום עס וועט ניט אויסגײן אַן אביון פֿון לאַנד; דרום באַפֿעל איך דיר, אַזוי צו זאָגן: עפֿענען זאָלסטו עפֿענען דײַן האַנט צו דײַן ברודער, צו דײַן אָרימאַן און צו דײַן אביון אין דײַן לאַנד.

[12] אַז דײַן ברודער, אַ ייִד, אָדער אַ ייִדישע פֿרוי, וועט זיך פֿאַרקויפֿן צו דיר, זאָל ער דיר דינען זעקס יאָר, און אויפֿן זיבעטן זאָלסטו אים אַרויסלאָזן פֿרײַ פֿון דיר. [13] און אַז דו לאָזט אים אַרויס פֿרײַ פֿון דיר, זאָלסטו אים ניט אַרויסלאָזן מיט לײדיקן; [14] באַשענקען זאָלסטו אים באַשענקען פֿון דײַנע שאָף, און פֿון דײַן שײַער, און פֿון דײַן קעלטער; מיט וואָס יהוה דײַן גאָט האָט דיך געבענטשט, דערפֿון זאָלסטו אים געבן. [15] און זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מִצרַיִם, און יהוה דײַן גאָט האָט דיך אויסגעלײזט; דרום באַפֿעל איך דיר הײַנט דידאָזיקע זאַך. [16] און עס וועט זײַן, אַז ער וועט זאָגן צו דיר: איך וויל ניט אַוועקגײן פֿון דיר; ווײַל ער האָט ליב דיך און דײַן הויזגעזינט, וואָרום אים איז גוט בײַ דיר, [17] זאָלסטו נעמען אַן אָל, און דורכשטעכן זײַן אויער ביז אין טיר, און ער זאָל דיר זײַן אַן אײביקער קנעכט; און אויך צו דײַן דינסט זאָלסטו טאָן אַזוי. [18] עס זאָל ניט שווער זײַן אין דײַנע אויגן, ווען דו לאָזט אים אַרויס פֿרײַ פֿון דיר, וואָרום טאָפּל

ד תָּגֹשׂ וַאֲשֶׁר יִהְיֶה לְךָ אֶת־אָחִיךָ תַּשְׁמֵט יָדֶךָ׃ אֶפֶס כִּי
לֹא יִהְיֶה־בְּךָ אֶבְיוֹן כִּי־בָרֵךְ יְבָרֶכְךָ יְהוָה בָּאָרֶץ אֲשֶׁר
ה יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן־לְךָ נַחֲלָה לְרִשְׁתָּהּ׃ רַק אִם־שָׁמוֹעַ
תִּשְׁמַע בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת אֶת־כָּל־הַמִּצְוָה
ו הַזֹּאת אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם׃ כִּי־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בֵּרַכְךָ
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר־לָךְ וְהַעֲבַטְתָּ גּוֹיִם רַבִּים וְאַתָּה לֹא תַעֲבֹט
ז וּמָשַׁלְתָּ בְּגוֹיִם רַבִּים וּבְךָ לֹא יִמְשֹׁלוּ׃ ס כִּי־יִהְיֶה
בְךָ אֶבְיוֹן מֵאַחַד אַחֶיךָ בְּאַחַד שְׁעָרֶיךָ בְּאַרְצְךָ אֲשֶׁר־
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ לֹא תְאַמֵּץ אֶת־לְבָבְךָ וְלֹא תִקְפֹּץ
ח אֶת־יָדְךָ מֵאָחִיךָ הָאֶבְיוֹן׃ כִּי־פָתֹחַ תִּפְתַּח אֶת־יָדְךָ לוֹ
ט וְהַעֲבֵט תַּעֲבִיטֶנּוּ דֵּי מַחְסֹרוֹ אֲשֶׁר יֶחְסַר לוֹ׃ הִשָּׁמֶר לְךָ
פֶּן־יִהְיֶה דָבָר עִם־לְבָבְךָ בְלִיַּעַל לֵאמֹר קָרְבָה שְׁנַת־
הַשֶּׁבַע שְׁנַת הַשְּׁמִטָּה וְרָעָה עֵינְךָ בְּאָחִיךָ הָאֶבְיוֹן וְלֹא
י תִתֵּן לוֹ וְקָרָא עָלֶיךָ אֶל־יְהוָה וְהָיָה בְךָ חֵטְא׃ נָתוֹן תִּתֵּן
לוֹ וְלֹא־יֵרַע לְבָבְךָ בְּתִתְּךָ לוֹ כִּי בִּגְלַל ׀ הַדָּבָר הַזֶּה
יא יְבָרֶכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכָל־מַעֲשֶׂךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח יָדֶךָ׃ כִּי
לֹא־יֶחְדַּל אֶבְיוֹן מִקֶּרֶב הָאָרֶץ עַל־כֵּן אָנֹכִי מְצַוְּךָ לֵאמֹר
פָּתֹחַ תִּפְתַּח אֶת־יָדְךָ לְאָחִיךָ לַעֲנִיֶּךָ וּלְאֶבְיֹנְךָ בְּאַרְצֶךָ׃ ס
יב כִּי־יִמָּכֵר לְךָ אָחִיךָ הָעִבְרִי אוֹ הָעִבְרִיָּה וַעֲבָדְךָ שֵׁשׁ שָׁנִים
יג וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִת תְּשַׁלְּחֶנּוּ חָפְשִׁי מֵעִמָּךְ׃ וְכִי־תְשַׁלְּחֶנּוּ
יד חָפְשִׁי מֵעִמָּךְ לֹא תְשַׁלְּחֶנּוּ רֵיקָם׃ הַעֲנֵיק תַּעֲנִיק לוֹ
מִצֹּאנְךָ וּמִגָּרְנְךָ וּמִיִּקְבֶךָ אֲשֶׁר בֵּרַכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ תִּתֶּן־
טו לוֹ׃ וְזָכַרְתָּ כִּי עֶבֶד הָיִיתָ בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם וַיִּפְדְּךָ יְהוָה
טז אֱלֹהֶיךָ עַל־כֵּן אָנֹכִי מְצַוְּךָ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה הַיּוֹם׃ וְהָיָה
כִּי־יֹאמַר אֵלֶיךָ לֹא אֵצֵא מֵעִמָּךְ כִּי אֲהֵבְךָ וְאֶת־בֵּיתֶךָ
יז כִּי־טוֹב לוֹ עִמָּךְ׃ וְלָקַחְתָּ אֶת־הַמַּרְצֵעַ וְנָתַתָּה בְאָזְנוֹ
וּבַדֶּלֶת וְהָיָה לְךָ עֶבֶד עוֹלָם וְאַף לַאֲמָתְךָ תַּעֲשֶׂה־כֵּן׃
יח לֹא־יִקְשֶׁה בְעֵינֶךָ בְּשַׁלֵּחֲךָ אֹתוֹ חָפְשִׁי מֵעִמָּךְ כִּי מִשְׁנֶה

שְׂכַר שָׂכִיר עֲבָדְךָ שֵׁשׁ שָׁנִים וּבֵרַכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכֹל
אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה׃ פ
כָּל־הַבְּכוֹר אֲשֶׁר יִוָּלֵד בִּבְקָרְךָ וּבְצֹאנְךָ הַזָּכָר תַּקְדִּישׁ שב׳
לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ לֹא תַעֲבֹד בִּבְכֹר שׁוֹרֶךָ וְלֹא תָגֹז בְּכוֹר
צֹאנֶךָ׃ לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ תֹאכְלֶנּוּ שָׁנָה בְשָׁנָה בַּמָּקוֹם כ
אֲשֶׁר־יִבְחַר יְהוָה אַתָּה וּבֵיתֶךָ׃ וְכִי־יִהְיֶה בוֹ מוּם פִּסֵּחַ כא
אוֹ עִוֵּר כֹּל מוּם רָע לֹא תִזְבָּחֶנּוּ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ בִּשְׁעָרֶיךָ כב
תֹּאכְלֶנּוּ הַטָּמֵא וְהַטָּהוֹר יַחְדָּו כַּצְּבִי וְכָאַיָּל׃ רַק אֶת־דָּמוֹ כג
לֹא תֹאכֵל עַל־הָאָרֶץ תִּשְׁפְּכֶנּוּ כַּמָּיִם׃ פ

טז

שָׁמוֹר אֶת־חֹדֶשׁ הָאָבִיב וְעָשִׂיתָ פֶּסַח לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ כִּי א
בְּחֹדֶשׁ הָאָבִיב הוֹצִיאֲךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מִמִּצְרַיִם לָיְלָה׃
וְזָבַחְתָּ פֶּסַח לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ צֹאן וּבָקָר בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר ב
יְהוָה לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם׃ לֹא־תֹאכַל עָלָיו חָמֵץ שִׁבְעַת יָמִים ג
תֹּאכַל־עָלָיו מַצּוֹת לֶחֶם עֹנִי כִּי בְחִפָּזוֹן יָצָאתָ מֵאֶרֶץ
מִצְרַיִם לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת־יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל
יְמֵי חַיֶּיךָ׃ וְלֹא־יֵרָאֶה לְךָ שְׂאֹר בְּכָל־גְּבֻלְךָ שִׁבְעַת יָמִים ד
וְלֹא־יָלִין מִן־הַבָּשָׂר אֲשֶׁר תִּזְבַּח בָּעֶרֶב בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן
לַבֹּקֶר׃ לֹא תוּכַל לִזְבֹּחַ אֶת־הַפָּסַח בְּאַחַד שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר־ ה
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ׃ כִּי אִם־אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִבְחַר ו
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם תִּזְבַּח אֶת־הַפֶּסַח בָּעָרֶב
כְּבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ מוֹעֵד צֵאתְךָ מִמִּצְרָיִם׃ וּבִשַּׁלְתָּ וְאָכַלְתָּ ז
בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בּוֹ וּפָנִיתָ בַבֹּקֶר וְהָלַכְתָּ
לְאֹהָלֶיךָ׃ שֵׁשֶׁת יָמִים תֹּאכַל מַצּוֹת וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי עֲצֶרֶת ח
לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ לֹא תַעֲשֶׂה מְלָאכָה׃ ס שִׁבְעָה שָׁבֻעֹת ט
תִּסְפָּר־לָךְ מֵהָחֵל חֶרְמֵשׁ בַּקָּמָה תָּחֵל לִסְפֹּר שִׁבְעָה
שָׁבֻעוֹת׃ וְעָשִׂיתָ חַג שָׁבֻעוֹת לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ מִסַּת נִדְבַת י
יָדְךָ אֲשֶׁר תִּתֵּן כַּאֲשֶׁר יְבָרֶכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ וְשָׂמַחְתָּ יא

ווי פאַר דעם לוין פון אַ לוינאַרבעטער האָט ער דיר געדינט זעקס יאָר; און יהוה דיין גאָט וועט דיך בענטשן אין אַלץ וואָס דו וועסט טאָן.

19 יעטוועדער ערשטלינג אַ זָכר וואָס וועט געבאָרן ווערן צווישן דיינע רינדער און צווישן דיינע שאָף, זאָלסטו הייליקן צו יהוה דיין גאָט; זאָלסט ניט אַרבעטן מיט דעם בְּכור פון דיינע אָקסן, און ניט שערן דעם בְּכור פון דיינע שאָף. 20 פאַר יהוה דיין גאָט זאָלסטו אים עסן יאָר אין יאָר, אין דעם אָרט וואָס גאָט וועט אויסדערוויילן, דו און דיין הויזגעזינט. 21 און אויב ער וועט זיין מיט אַ מום, אַ הינקעדיקער, אָדער אַ בלינדער—מיט וואָסער עס איז בייזן מום, זאָלסטו אים ניט שלאַכטן צו יהוה דיין גאָט. 22 אין דיינע טויערן זאָלסטו אים עסן, דער אומריינער און אײנעם מיט דעם ריינעם, אַזוי ווי אַ הירש און ווי אַ הינד. 23 נאָר זיין בלוט זאָלסטו ניט עסן; אויף דער ערד זאָלסטו עס אויסגיסן אַזוי ווי וואַסער.

טז 1 היט אָפּ דעם חודש אָביב, און זאָלסט מאַכן דעם קָרבן־פֶּסַח צו יהוה דיין גאָט, וואָרום אין חודש אָביב האָט דיך יהוה דיין גאָט אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם,ביי נאַכט. 2 און זאָלסט שלאַכטן דעם קָרבן פֶּסַח צו יהוה דיין גאָט, פון שאָף אָדער פון רינדער, אין דעם אָרט וואָס גאָט וועט אויסדערוויילן צו מאַכן רוען זיין נאָמען דאָרטן. 3 זאָלסט ניט עסן דערביי חמץ; זיבן טעג זאָלסטו עסן דערביי מצות, ברויט פון נויט, וואָרום אין געאײל ביסטו אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מִצרַיִם; כּדי זאָלסט געדענקען דעם טאָג פון דיין אַרויסגיין פון לאַנד מִצרַיִם, אַלע טעג פון דיין לעבן. 4 און עס זאָל ניט געזען ווערן ביי דיר זויערטייג אין דיין גאַנצן גבול זיבן טעג; און עס זאָל ניט איבערנעכטיקן ביז אין דער פרי פון דעם פלייש וואָס דו וועסט שלאַכטן אין אָוונט פון ערשטן טאָג. 5 טאָרסט ניט שלאַכטן דעם קָרבן־פֶּסַח אין איינעם פון דיינע טויערן וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר. 6 נייערט אין דעם אָרט וואָס יהוה דיין גאָט וועט אויסדערוויילן אויף צו מאַכן רוען זיין נאָמען, דאָרטן זאָלסטו שלאַכטן דעם קָרבן־פֶּסַח, אין אָוונט ווי די זון גייט אונטער, אין דער צייט פון דיין אַרויסגיין פון מִצרַיִם. 7 און זאָלסט אים בראָטן און עסן אין דעם אָרט וואָס יהוה דיין גאָט וועט אים אויסדערוויילן; און אין דער פרי זאָלסטו זיך אומקערן, און גיין צו דיינע געצעלטן. 8 זעקס טעג זאָלסטו עסן מצות, און אויפן זיבעטן טאָג זאָל זיין אַ הייליקע אײנזאַמלונג צו יהוה דיין גאָט; זאָלסט ניט טאָן קיין אַרבעט.

9 זיבן וואָכן זאָלסטו דיר ציילן; פון ווען מע לאָזט אַראָפּ אַ שניידמעסער אויף דער תבואה זאָלסטו אָנהייבן ציילן זיבן וואָכן. 10 און זאָלסט מאַכן דעם יָום־טוב פון שבועות[א] צו יהוה דיין גאָט, ווי נאָך דער פרייער גאָב פון דיין האַנט, וואָס דו וועסט געבן, לויט ווי יהוה דיין גאָט וועט דיך בענטשן. 11 און זאָלסט זיך פרייען

[א] וואָכן.

פאַר יהוה דיין גאָט, דו, און דיין זון און דיין טאָכטער, און דיין קנעכט און דיין דינסט, און דער לֵוִי וואָס אין דיינע טויערן, און דער פרעמדער, און דער יתום, און די אַלמנה, וואָס צווישן דיר—אין דעם אָרט וואָס יהוה דיין גאָט וועט אויסדערוויילן צו מאַכן רוען זיין נאָמען דאָרטן. [12] און זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין מִצְרַיִם, און זאָלסט אָפּהיטן און טאָן די דאָזיקע געזעצן.

[13] דעם יָום־טוב פון סוכּות זאָלסטו דיר מאַכן זיבן טעג, ווען דו זאַמלסט איין פון דיין שייער און פון דיין קעלטער. [14] און זאָלסט זיך פרייען אין דיין יָום־טוב, דו, און דיין זון און דיין טאָכטער, און דיין קנעכט און דיין דינסט, און דער לֵוִי, און דער פרעמדער, און דער יתום, און די אַלמנה, וואָס אין דיינע טויערן. [15] זיבן טעג זאָלסטו האַלטן יָום־טוב צו יהוה דיין גאָט אין דעם אָרט וואָס גאָט וועט אויסדערוויילן; וואָרום יהוה דיין גאָט וועט דיך בענטשן אין דיין גאַנצן אַיינקום, און אין יעטוועדער טואונג פון דיינע הענט, און וועסט זיין לויטער פרייליך.

[16] דריי מאָל אין יאָר זאָלן אַלע דיינע מאַנספּאַרשוינען זיך ווייזן פאַר יהוה דיין גאָט, אין דעם אָרט וואָס ער וועט אויסדערוויילן: אין דעם יָום־טוב פון מצות, און אין דעם יָום־טוב פון שבועות, און אין דעם יָום־טוב פון סוכּות; און מע זאָל זיך ניט ווייזן פאַר גאָט מיט ליידיקן; [17] איטלעכער לויט דער גאָב פון זיין האַנט, ווי נאָך דער מזל־ברכה פון יהוה דיין גאָט, וואָס ער האָט דיר געגעבן.

לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ וְעַבְדְּךָ וַאֲמָתֶךָ
וְהַלֵּוִי אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ וְהַגֵּר וְהַיָּתוֹם וְהָאַלְמָנָה אֲשֶׁר
בְּקִרְבֶּךָ בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ
יב שָׁם׃ וְזָכַרְתָּ כִּי־עֶבֶד הָיִיתָ בְּמִצְרָיִם וְשָׁמַרְתָּ וְעָשִׂיתָ אֶת־
הַחֻקִּים הָאֵלֶּה׃ פ
מפ׳ חַג הַסֻּכֹּת תַּעֲשֶׂה לְךָ שִׁבְעַת יָמִים בְּאָסְפְּךָ מִגָּרְנְךָ
יד וּמִיִּקְבֶךָ׃ וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ וְעַבְדְּךָ וַאֲמָתֶךָ
טו וְהַלֵּוִי וְהַגֵּר וְהַיָּתוֹם וְהָאַלְמָנָה אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ׃ שִׁבְעַת
יָמִים תָּחֹג לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִבְחַר יְהוָה כִּי
יְבָרֶכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכֹל תְּבוּאָתְךָ וּבְכֹל מַעֲשֵׂה יָדֶיךָ
טז וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ׃ שָׁלוֹשׁ פְּעָמִים ׀ בַּשָּׁנָה יֵרָאֶה כָל־זְכוּרְךָ
אֶת־פְּנֵי ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחָר בְּחַג הַמַּצּוֹת
וּבְחַג הַשָּׁבֻעוֹת וּבְחַג הַסֻּכּוֹת וְלֹא יֵרָאֶה אֶת־פְּנֵי יְהוָה
יז רֵיקָם׃ אִישׁ כְּמַתְּנַת יָדוֹ כְּבִרְכַּת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר נָתַן־לָךְ׃
ס

# שׁוֹפְטִים

[18] ריכטער און אויפזעער זאָלסטו דיר מאַכן אין אַלע דיינע טויערן, וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר, לויט דיינע שבטים; און זיי זאָלן משפּטן דאָס פאָלק מיט אַ גערעכטן משפּט. [19] זאָלסט ניט פאַרדרייען אַ משפּט; זאָלסט ניט דערקענען קיין פּנים, און ניט נעמען שוחד, וואָרום שוחד מאַכט בלינד די אויגן פון קלוגע, און פאַר־קרימט די ווערטער פון גערעכטע. [20] נאָך גערעכטיקייט, נאָך גערעכטיקייט זאָלסטו זיך יאָגן, כּדי זאָלסט לעבן און אַרבן דאָס לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר.

[21] זאָלסט דיר ניט פלאַנצן אַ געצנבוים פון אַ שום האָלץ לעבן דעם מזבח פון יהוה דיין גאָט, וואָס דו וועסט דיר מאַכן. [22] און זאָלסט דיר ניט אויפשטעלן אַ זייל־שטיין, וואָס יהוה דיין גאָט האָט פיינט.

יח שֹׁפְטִים וְשֹׁטְרִים תִּתֶּן־לְךָ בְּכָל־שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
יט נֹתֵן לְךָ לִשְׁבָטֶיךָ וְשָׁפְטוּ אֶת־הָעָם מִשְׁפַּט־צֶדֶק׃ לֹא־
תַטֶּה מִשְׁפָּט לֹא תַכִּיר פָּנִים וְלֹא־תִקַּח שֹׁחַד כִּי הַשֹּׁחַד
כ יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִם׃ צֶדֶק צֶדֶק
תִּרְדֹּף לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
כא נֹתֵן לָךְ׃ ס לֹא־תִטַּע לְךָ אֲשֵׁרָה כָּל־עֵץ אֵצֶל מִזְבַּח
כב יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה־לָּךְ׃ וְלֹא־תָקִים לְךָ מַצֵּבָה
אֲשֶׁר שָׂנֵא יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ ס

יז

א לֹא־תִזְבַּח לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ שׁוֹר וָשֶׂה אֲשֶׁר יִהְיֶה בוֹ מוּם
ב כֹּל דָּבָר רָע כִּי תוֹעֲבַת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ הוּא׃ ס כִּי־יִמָּצֵא
בְקִרְבְּךָ בְּאַחַד שְׁעָרֶיךָ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ אִישׁ

טז, טז׳ קמץ בז״ק

יז [1] זאָלסט ניט שלאַכטן צו יהוה דיין גאָט אַן אָקס אָדער אַ שעפּס וואָס אין אים איז דאָ אַ מום, עפּעס אַ שלעכטע זאַך; וואָרום אַן אומווערדיקייט בײַ יהוה דיין גאָט איז דאָס.

[2] אַז עס וועט געפונען ווערן צווישן דיר, אין איינעם פון דיינע טויערן וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר, אַ מאַן

אוֹ־אִשָּׁה אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה אֶת־הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה־אֱלֹהֶיךָ לַעֲבֹר
בְּרִיתוֹ׃ וַיֵּלֶךְ וַיַּעֲבֹד אֱלֹהִים אֲחֵרִים וַיִּשְׁתַּחוּ לָהֶם וְלַשֶּׁמֶשׁ ׀ ג
אוֹ לַיָּרֵחַ אוֹ לְכָל־צְבָא הַשָּׁמַיִם אֲשֶׁר לֹא־צִוִּיתִי׃ וְהֻגַּד־ ד
לְךָ וְשָׁמָעְתָּ וְדָרַשְׁתָּ הֵיטֵב וְהִנֵּה אֱמֶת נָכוֹן הַדָּבָר נֶעֶשְׂתָה
הַתּוֹעֵבָה הַזֹּאת בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְהוֹצֵאתָ אֶת־הָאִישׁ הַהוּא אוֹ ה
אֶת־הָאִשָּׁה הַהִוא אֲשֶׁר עָשׂוּ אֶת־הַדָּבָר הָרָע הַזֶּה אֶל־
שְׁעָרֶיךָ אֶת־הָאִישׁ אוֹ אֶת־הָאִשָּׁה וּסְקַלְתָּם בָּאֲבָנִים וָמֵתוּ׃
עַל־פִּי ׀ שְׁנַיִם עֵדִים אוֹ שְׁלֹשָׁה עֵדִים יוּמַת הַמֵּת לֹא יוּמַת ו
עַל־פִּי עֵד אֶחָד׃ יַד הָעֵדִים תִּהְיֶה־בּוֹ בָרִאשֹׁנָה לַהֲמִיתוֹ ז
וְיַד כָּל־הָעָם בָּאַחֲרֹנָה וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ׃ פ
כִּי יִפָּלֵא מִמְּךָ דָבָר לַמִּשְׁפָּט בֵּין־דָּם ׀ לְדָם בֵּין־דִּין לְדִין ח
וּבֵין נֶגַע לָנֶגַע דִּבְרֵי רִיבֹת בִּשְׁעָרֶיךָ וְקַמְתָּ וְעָלִיתָ אֶל־
הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בּוֹ׃ וּבָאתָ אֶל־הַכֹּהֲנִים ט
הַלְוִיִּם וְאֶל־הַשֹּׁפֵט אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם וְדָרַשְׁתָּ
וְהִגִּידוּ לְךָ אֵת דְּבַר הַמִּשְׁפָּט׃ * וְעָשִׂיתָ עַל־פִּי הַדָּבָר י
אֲשֶׁר יַגִּידוּ לְךָ מִן־הַמָּקוֹם הַהוּא אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה וְשָׁמַרְתָּ
לַעֲשׂוֹת כְּכֹל אֲשֶׁר יוֹרוּךָ׃ עַל־פִּי הַתּוֹרָה אֲשֶׁר יוֹרוּךָ יא
וְעַל־הַמִּשְׁפָּט אֲשֶׁר־יֹאמְרוּ לְךָ תַּעֲשֶׂה לֹא תָסוּר מִן־הַדָּבָר
אֲשֶׁר־יַגִּידוּ לְךָ יָמִין וּשְׂמֹאל׃ וְהָאִישׁ אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה בְזָדוֹן יב
לְבִלְתִּי שְׁמֹעַ אֶל־הַכֹּהֵן הָעֹמֵד לְשָׁרֶת שָׁם אֶת־יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ אוֹ אֶל־הַשֹּׁפֵט וּמֵת הָאִישׁ הַהוּא וּבִעַרְתָּ הָרָע
מִיִּשְׂרָאֵל׃ וְכָל־הָעָם יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ וְלֹא יְזִידוּן עוֹד׃ ס כִּי־ יג שני
תָבֹא אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ וִירִשְׁתָּהּ
וְיָשַׁבְתָּה בָּהּ וְאָמַרְתָּ אָשִׂימָה עָלַי מֶלֶךְ כְּכָל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר
סְבִיבֹתָי׃ שׂוֹם תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ טו
בּוֹ מִקֶּרֶב אַחֶיךָ תָּשִׂים עָלֶיךָ מֶלֶךְ לֹא תוּכַל לָתֵת עָלֶיךָ
אִישׁ נָכְרִי אֲשֶׁר לֹא־אָחִיךָ הוּא׃ רַק לֹא־יַרְבֶּה־לּוֹ סוּסִים טז

* חצי הספר בפסוקים

אָדער אַ פֿרוי וואָס וועט טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פֿון יהוה דײַן גאָט, איבערצוטרעטן זײַן בונד; 3 און ער וועט גיין און דינען פֿרעמדע געטער, און זיך בוקן צו זיי, אָדער צו דער זון, אָדער צו דער לבנה, אָדער צו דעם גאַנצן חיל פֿון הימל, וואָס איך האָב ניט געהייסן; 4 און עס וועט דיר דערציילט ווערן, און וועסט הערן, און וועסט גוט אויספֿאָרשן, ערשט די זאַך איז אמת ריכטיק, די דאָזיקע אומווערדיקייט איז געטאָן געוואָרן אין ישׂראל, 5 זאָלסטו אַרויספֿירן יענעם מאַן אָדער יענע פֿרוי, וואָס האָבן געטאָן די דאָזיקע שלעכטע זאַך, צו דײַנע טויערן–דעם מאַן אָדער די פֿרוי–און זאָלסט זיי פֿאַרוואַרפֿן מיט שטיינער, און זיי זאָלן שטאַרבן. 6 לויט דעם מויל פֿון צוויי עדות אָדער דרײַ עדות זאָל געטייט ווערן דער וואָס ווערט געטייט; ער זאָל ניט געטייט ווערן לויט דעם מויל פֿון איין עדות. 7 די האַנט פֿון די עדות זאָל זײַן אויף אים די ערשטע אים צו טייטן, און דערנאָך די האַנט פֿון גאַנצן פֿאָלק; און זאָלסט אויסראַמען דאָס בייז פֿון צווישן דיר.

8 אַז אַ זאַך וועט זײַן פֿאַרהוילן פֿון דיר אין אַ משפּט, צווישן בלוט און בלוט, צווישן אַ טענה און אַ טענה, אָדער צווישן אַ שעדיקונג און אַ שעדיקונג, אין שטרײַטזאַכן אין דײַנע טויערן, זאָלסטו אויפֿשטיין און אַרויפֿגיין צו דעם אָרט וואָס יהוה דײַן גאָט וועט אים אויסדערוויילן. 9 און זאָלסט קומען צו די כּהנים פֿון שבט לֵוִי, און צו דעם ריכטער וואָס וועט זײַן אין יענע טעג, און זאָלסט פֿרעגן, און זיי וועלן דיר זאָגן דאָס וואָרט פֿון דעם משפּט. 10 און זאָלסט טאָן לויט דעם וואָרט וואָס זיי וועלן דיר זאָגן פֿון יענעם אָרט וואָס גאָט וועט אויסדערוויילן; און זאָלסט היטן צו טאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס זיי וועלן דיך לערנען. 11 לויט דער לערנונג וואָס זיי וועלן דיך לערנען, און לויט דעם משפּט וואָס זיי וועלן דיר זאָגן, זאָלסטו טאָן; זאָלסט זיך ניט אָפּקערן פֿון דעם וואָרט וואָס זיי וועלן דיר זאָגן, רעכטס אָדער לינקס. 12 און דער מאַן וואָס וועט טאָן מיט מוטוויליקייט, ניט צו געהאָרכן דעם כּהן וואָס שטייט צו דינען דאָרטן יהוה דײַן גאָט, אָדער דעם ריכטער, יענער מאַן זאָל שטאַרבן; און זאָלסט אויסראַמען דאָס בייז פֿון ישׂראל. 13 און דאָס גאַנצע פֿאָלק וועט הערן און וועט מורא האָבן, און זיי וועלן מער ניט מוטוויליקן.

14 אַז דו וועסט קומען אין דעם לאַנד וואָס יהוה דײַן גאָט גיט דיר, און וועסט עס אַרבן, און וועסט זיך באַזעצן דרינען, און וועסט זאָגן: איך וויל מאַכן אַ מלך איבער מיר, אַזוי ווי אַלע פֿעלקער וואָס אַרום מיר, 15 מאַכן זאָלסטו מאַכן אַ מלך איבער דיר דעם וואָס יהוה דײַן גאָט וועט אים אויסדערוויילן; פֿון צווישן דײַנע ברידער זאָלסטו מאַכן איבער דיר אַ מלך; טאָרסט ניט אויפֿזעצן איבער דיר אַ פֿרעמדן מאַן, וואָס איז ניט דײַנער אַ ברודער. 16 אָבער ער זאָל זיך ניט מערן פֿערד,

און ניט אומקערן דאָס פאָלק קיין מִצרַיִם, כּדי צו מערן
פערד; וואָס גאָט האָט אײַך אָנגעזאָגט: איר זאָלט זיך
מער ניט אומקערן אויף דעמדאָזיקן וועג. 17 און ער זאָל
זיך ניט מערן ווײַבער, כּדי זײַן האַרץ זאָל זיך ניט אָפּ־
קערן; אויך זילבער און גאָלד זאָל ער זיך ניט מערן אַ
סך. 18 און עס וועט זײַן, אַז ער זעצט זיך אויף דעם טראָן
פון זײַן מלוכה, זאָל ער זיך אויפשרײַבן אַן איבערחזרונג
פון דערדאָזיקער תּורה אויף אַ בוך, פון דער וואָס פאַר
די כּהנים פון שבט לֵוִי. 19 און דאָס זאָל זײַן בײַ אים, און
ער זאָל לייענען דערין אַלע טעג פון זײַן לעבן, כּדי ער
זאָל לערנען מורא צו האָבן פאַר יהוה זײַן גאָט, צו היטן
אַלע ווערטער פון דערדאָזיקער תּורה, און דידאָזיקע
געזעצן, זיי צו טאָן; 20 אַז זײַן האַרץ זאָל זיך ניט דער־
הייבן איבער זײַנע ברידער, און ער זאָל זיך ניט אָפּקערן
פון די געבאָט רעכטס אָדער לינקס, כּדי ער זאָל מַאֲרִיך־
יָמִים זײַן אויף זײַן מלוכה, ער און זײַנע קינדער, צווישן
ישׂראל.

## יח

1 די כּהנים פון לֵוִי, דער גאַנצער שבט לֵוִי, זאָלן
ניט האָבן קיין חלק און קיין נחלה אין ישׂראל;
די פײַעראָפּפער פון גאָט און זײַן נחלה זאָלן זיי עסן.
2 און זיי זאָלן ניט האָבן קיין נחלה צווישן זייערע ברידער;
גאָט איז זייער נחלה, אַזוי ווי ער האָט צו זיי גערעדט.
3 און דאָס זאָל זײַן דאָס רעכט פון די כּהנים, פון
דעם פאָלק, פון די וואָס שלאַכטן אַ שלאַכטאָפּפער; סײַ אַן אָקס, סײַ אַ שעפּס, זאָל מען געבן דעם כּהן די שול־
טער, און די קינבאַקן, און דעם מאָגן. 4 דאָס ערשטע פון דײַן תּבואה, פון דײַן ווײַן, און פון דײַן אייל, און דאָס
ערשטע פון דער שערונג פון דײַנע שאָף, זאָלסטו אים געבן. 5 וואָרום אים האָט יהוה דײַן גאָט אויסדערוויילט פון אַלע
דײַנע שבטים, צו שטיין צו דינען אין נאָמען פון גאָט, ער און זײַנע קינדער אַלע טעג.
6 און אַז אַ לֵוִי וויל קומען פון איינעם פון דײַנע טויערן פון גאַנץ ישׂראל, וואָס ער וווינט דאָרטן, זאָל ער קומען
וויפיל זײַן האַרץ געלוסט, צו דעם אָרט וואָס גאָט וועט אויסדערוויילן. 7 און ער זאָל דינען אין נאָמען פון יהוה זײַן
גאָט אַזוי ווי אַלע זײַנע ברידער די לְוִיִם וואָס שטייען דאָרטן פאַר גאָט. 8 גלײַכע חלקים זאָלן זיי עסן, אַחוץ וואָס
אים ווערט געגעבן לויט די פאָטערהײַזער.
9 אַז דו קומסט אין דעם לאַנד וואָס יהוה דײַן גאָט גיט דיר, זאָלסטו זיך ניט אָפּלערנען צו טאָן
אַזוי ווי די אומווערדיקייטן פון יענע פעלקער. 10 עס זאָל זיך ניט געפינען בײַ דיר איינער וואָס מאַכט
דורכגיין זײַן זון אָדער זײַן טאָכטער דורכן פײַער[א], אַ וואָרזאָגער פון וואָרזאָגענישן, אַ צײַכנזעער, אָדער
אַ טרעפער, אָדער אַ מכשף, 11 אָדער אַ צויבערשפּרעכער, אָדער איינער וואָס פרעגט בײַ אַ גײַסט אָדער
אַ רוח, אָדער אַ פאָרשער בײַ טויטע. 12 וואָרום אַן אומווערדיקייט בײַ גאָט איז יעטוועדער וואָס טוט

[א] פאַרברענען צום גאָט מולך.

וְלֹא־יָשִׁיב אֶת־הָעָם מִצְרַיְמָה לְמַעַן הַרְבּוֹת סוּס וַיהוָה
יז אָמַר לָכֶם לֹא תֹסִפוּן לָשׁוּב בַּדֶּרֶךְ הַזֶּה עוֹד׃ וְלֹא יַרְבֶּה־
לּוֹ נָשִׁים וְלֹא יָסוּר לְבָבוֹ וְכֶסֶף וְזָהָב לֹא יַרְבֶּה־לּוֹ מְאֹד׃
יח וְהָיָה כְשִׁבְתּוֹ עַל כִּסֵּא מַמְלַכְתּוֹ וְכָתַב לוֹ אֶת־מִשְׁנֵה
יט הַתּוֹרָה הַזֹּאת עַל־סֵפֶר מִלִּפְנֵי הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם׃ וְהָיְתָה
עִמּוֹ וְקָרָא בוֹ כָּל־יְמֵי חַיָּיו לְמַעַן יִלְמַד לְיִרְאָה אֶת־יְהוָה
אֱלֹהָיו לִשְׁמֹר אֶת־כָּל־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת וְאֶת־הַחֻקִּים
כ הָאֵלֶּה לַעֲשֹׂתָם׃ לְבִלְתִּי רוּם־לְבָבוֹ מֵאֶחָיו וּלְבִלְתִּי סוּר
מִן־הַמִּצְוָה יָמִין וּשְׂמֹאול לְמַעַן יַאֲרִיךְ יָמִים עַל־מַמְלַכְתּוֹ
הוּא וּבָנָיו בְּקֶרֶב יִשְׂרָאֵל׃ ס

יח

שלי׳ לֹא־יִהְיֶה לַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם כָּל־שֵׁבֶט לֵוִי חֵלֶק וְנַחֲלָה עִם־
ב יִשְׂרָאֵל אִשֵּׁי יְהוָה וְנַחֲלָתוֹ יֹאכֵלוּן׃ וְנַחֲלָה לֹא־יִהְיֶה־לּוֹ
ג בְּקֶרֶב אֶחָיו יְהוָה הוּא נַחֲלָתוֹ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר־לוֹ׃ ס וְזֶה
יִהְיֶה מִשְׁפַּט הַכֹּהֲנִים מֵאֵת הָעָם מֵאֵת זֹבְחֵי הַזֶּבַח אִם־
ד שׁוֹר אִם־שֶׂה וְנָתַן לַכֹּהֵן הַזְּרֹעַ וְהַלְּחָיַיִם וְהַקֵּבָה׃ רֵאשִׁית
ה דְּגָנְךָ תִּירֹשְׁךָ וְיִצְהָרֶךָ וְרֵאשִׁית גֵּז צֹאנְךָ תִּתֶּן־לוֹ׃ כִּי בוֹ
בָּחַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מִכָּל־שְׁבָטֶיךָ לַעֲמֹד לְשָׁרֵת בְּשֵׁם־
רב׳ יְהוָה הוּא וּבָנָיו כָּל־הַיָּמִים׃ ס וְכִי־יָבֹא הַלֵּוִי מֵאַחַד
שְׁעָרֶיךָ מִכָּל־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־הוּא גָּר שָׁם וּבָא בְּכָל־אַוַּת
ז נַפְשׁוֹ אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִבְחַר יְהוָה׃ וְשֵׁרֵת בְּשֵׁם יְהוָה
ח אֱלֹהָיו כְּכָל־אֶחָיו הַלְוִיִּם הָעֹמְדִים שָׁם לִפְנֵי יְהוָה׃ חֵלֶק
ט כְּחֵלֶק יֹאכֵלוּ לְבַד מִמְכָּרָיו עַל־הָאָבוֹת׃ ס כִּי אַתָּה בָּא
אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ לֹא־תִלְמַד לַעֲשׂוֹת
י כְּתוֹעֲבֹת הַגּוֹיִם הָהֵם׃ לֹא־יִמָּצֵא בְךָ מַעֲבִיר בְּנוֹ־וּבִתּוֹ בָּאֵשׁ
יא קֹסֵם קְסָמִים מְעוֹנֵן וּמְנַחֵשׁ וּמְכַשֵּׁף׃ וְחֹבֵר חָבֶר וְשֹׁאֵל
יב אוֹב וְיִדְּעֹנִי וְדֹרֵשׁ אֶל־הַמֵּתִים׃ כִּי־תוֹעֲבַת יְהוָה כָּל־עֹשֵׂה

יז, יט׳ סבירין בה כ׳ מלא ו

אֵלֶּה וּבִגְלַל הַתּוֹעֵבֹת הָאֵלֶּה יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מוֹרִישׁ אוֹתָם
מִפָּנֶיךָ׃ תָּמִים תִּהְיֶה עִם יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ כִּי הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה יג יד
אֲשֶׁר אַתָּה יוֹרֵשׁ אוֹתָם אֶל־מְעֹנְנִים וְאֶל־קֹסְמִים יִשְׁמָעוּ
וְאַתָּה לֹא כֵן נָתַן לְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ נָבִיא מִקִּרְבְּךָ מֵאַחֶיךָ טו
כָּמֹנִי יָקִים לְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֵלָיו תִּשְׁמָעוּן׃ כְּכֹל אֲשֶׁר־ טז
שָׁאַלְתָּ מֵעִם יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּחֹרֵב בְּיוֹם הַקָּהָל לֵאמֹר
לֹא אֹסֵף לִשְׁמֹעַ אֶת־קוֹל יְהוָה אֱלֹהָי וְאֶת־הָאֵשׁ הַגְּדֹלָה
הַזֹּאת לֹא־אֶרְאֶה עוֹד וְלֹא אָמוּת׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָי יז
הֵיטִיבוּ אֲשֶׁר דִּבֵּרוּ׃ נָבִיא אָקִים לָהֶם מִקֶּרֶב אֲחֵיהֶם יח
כָּמוֹךָ וְנָתַתִּי דְבָרַי בְּפִיו וְדִבֶּר אֲלֵיהֶם אֵת כָּל־אֲשֶׁר
אֲצַוֶּנּוּ׃ וְהָיָה הָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא־יִשְׁמַע אֶל־דְּבָרַי אֲשֶׁר יט
יְדַבֵּר בִּשְׁמִי אָנֹכִי אֶדְרֹשׁ מֵעִמּוֹ׃ אַךְ הַנָּבִיא אֲשֶׁר יָזִיד כ
לְדַבֵּר דָּבָר בִּשְׁמִי אֵת אֲשֶׁר לֹא־צִוִּיתִיו לְדַבֵּר וַאֲשֶׁר
יְדַבֵּר בְּשֵׁם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וּמֵת הַנָּבִיא הַהוּא׃ וְכִי כא
תֹאמַר בִּלְבָבֶךָ אֵיכָה נֵדַע אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר לֹא־דִבְּרוֹ
יְהוָה׃ אֲשֶׁר יְדַבֵּר הַנָּבִיא בְּשֵׁם יְהוָה וְלֹא־יִהְיֶה הַדָּבָר כב
וְלֹא יָבֹא הוּא הַדָּבָר אֲשֶׁר לֹא־דִבְּרוֹ יְהוָה בְּזָדוֹן דִּבְּרוֹ
הַנָּבִיא לֹא תָגוּר מִמֶּנּוּ׃ ס

## יט

כִּי־יַכְרִית יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֶת־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ א
נֹתֵן לְךָ אֶת־אַרְצָם וִירִשְׁתָּם וְיָשַׁבְתָּ בְעָרֵיהֶם וּבְבָתֵּיהֶם׃
שָׁלוֹשׁ עָרִים תַּבְדִּיל לָךְ בְּתוֹךְ אַרְצְךָ אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ ב
נֹתֵן לְךָ לְרִשְׁתָּהּ׃ תָּכִין לְךָ הַדֶּרֶךְ וְשִׁלַּשְׁתָּ אֶת־גְּבוּל ג
אַרְצְךָ אֲשֶׁר יַנְחִילְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְהָיָה לָנוּס שָׁמָּה כָּל־
רֹצֵחַ׃ וְזֶה דְּבַר הָרֹצֵחַ אֲשֶׁר־יָנוּס שָׁמָּה וָחָי אֲשֶׁר יַכֶּה ד
אֶת־רֵעֵהוּ בִּבְלִי־דַעַת וְהוּא לֹא־שֹׂנֵא לוֹ מִתְּמֹל שִׁלְשֹׁם׃
וַאֲשֶׁר יָבֹא אֶת־רֵעֵהוּ בַיַּעַר לַחְטֹב עֵצִים וְנִדְּחָה יָדוֹ ה

יח, יג׳ בקשת ססוים דהי רבתי טז׳ קמץ מיין

דאָס, און פון וועגן דידאָזיקע אומווערדיקייטן פאַרטרייבט זיי יהוה דיין גאָט פון פאַר דיר. [13] גאַנץ זאָלסטו זיין מיט יהוה דיין גאָט. [14] וואָרום דידאָזיקע פעלקער וואָס דו ירשעסט זיי, הערן זיך צו צו צייכנזעערס, און צו וואָרזאָגערס, אָבער דו–ניט אַזוי־וואָס האָט דיר געגעבן יהוה דיין גאָט. [15] אַ נביא פון צווישן דיר, פון דיינע ברידער, אַזאַ ווי איך, וועט דיר אויפשטעלן יהוה דיין גאָט; צו אים זאָלט איר זיך צוהערן. [16] גענוי אַזוי ווי דו האָסט פאַרלאַנגט פון יהוה דיין גאָט אין חורב, אין טאָג פון דער איינזאַמלונג, אַזוי צו זאָגן: לאָמיך ניט הערן ווידער דעם קול פון יהוה מיין גאָט, לאָמיך ניט זען מער דאָסדאָזיקע גרויסע פייער, כּדי איך זאָל ניט שטאַרבן. [17] און גאָט האָט געזאָגט צו מיר: גוט איז וואָס זיי האָבן גערעדט. [18] אַ נביא וועל איך זיי אויפשטעלן פון צווישן זייערע ברידער, אַזאַ ווי דו, און איך וועל אַריינגעבן מיינע ווערטער אין זיין מויל, און ער וועט רעדן צו זיי אַלץ וואָס איך וועל אים באַפעלן. [19] און עס וועט זיין, דער מאַן וואָס וועט ניט צוהערן צו מיינע ווערטער וואָס ער וועט רעדן אין מיין נאָמען, וועל איך אויפמאָנען פון אים. [20] אָבער דער נביא וואָס וועט מוטוויליקן צו רעדן אין מיין נאָמען אַ וואָרט וואָס איך האָב אים ניט באַפוילן צו רעדן, אָדער דער וואָס וועט רעדן אין נאָמען פון פרעמדע געטער, יענער נביא זאָל שטאַרבן. [21] און אויב דו וועסט זאָגן אין דיין האַרצן: ווי אַזוי וועלן מיר דערקענען דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט עס ניט גערעדט? [22] אַז דער נביא וועט רעדן אין נאָמען פון גאָט, און דאָס וואָרט וועט ניט געשען און ניט אָנקומען, איז דאָס אַ וואָרט וואָס גאָט האָט עס ניט גערעדט; מיט מוטוויליקייט האָט עס דער נביא גערעדט; זאָלסט זיך ניט שרעקן פאַר אים.

יט [1] אַז יהוה דיין גאָט וועט פאַרשניידן די פעלקער וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר זייער לאַנד, און וועסט זיי ירשען, און זיך באַזעצן אין זייערע שטעט, און אין זייערע הייזער, [2] זאָלסטו דיר אָפּשיידן דריי שטעט אין מיטן פון דיין לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר, עס צו אַרבן. [3] זאָלסט דיר אָפּמאַרקירן דעם וועג, און איינטיילן אין דרייען דאָס געמאַרק פון דיין לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט וועט דיך מאַכן אַרבן, און עס זאָל זיין אויף צו אַנטלויפן אַהין פאַר איטלעכן טויטשלעגער. [4] און דאָס איז דער פאַל פון דעם טויטשלעגער וואָס קען אַהין אַנטלויפן און בלייבן לעבן: דער וואָס וועט דערשלאָגן זיין חבר אָן אַ כּיוון, און ער איז אים ניט געווען אַ שונא פון נעכטן־אייערנעכטן; [5] ווי אַז איינער וועט קומען מיט זיין חבר אין וואַלד האַקן ביימער, און זיין האַנט וועט זיך פאַרמעסטן

מיט דער האַק אָפּצוהאַקן דעם בוים, און דער אַייזן וועט אָפּשפּרינגען פון שטיל, און וועט טרעפן זיין חבר, און ער וועט שטאַרבן; ער זאָל אַנטלויפן אין איינער פון די־דאָזיקע שטעט, און בלייבן לעבן; [6] כדי דער בלוט־מאָנער זאָל ניט נאָכיאָגן דעם טויטשלעגער ווען זיין האַרץ איז הייס, און אים כאַפּן, ווייל דער וועג איז אַ ווייטער, און אים דערשלאָגן צום טויט, ווען אים קומט ניט טויט־שטראָף, ווייל ער איז אים ניט געווען אַ שונא פון נעכטן אייערנעכטן. [7] דרום באַפעל איך דיר, אַזוי צו זאָגן: דריי שטעט זאָלסטו דיר אָפּשיידן. [8] און אויב יהוה דיין גאָט וועט דערברייטערן דיין געמאַרק, אַזוי ווי ער האָט געשוואָרן דיינע עלטערן, און וועט דיר געבן דאָס גאַנצע לאַנד וואָס ער האָט צוגעזאָגט דיינע עלטערן צו געבן– [9] אַז דו וועסט היטן אַלדאָסדאָזיקע געבאָט וואָס איך גע־ביט דיר היינט עס צו טאָן, ליב צו האָבן יהוה דיין גאָט, און צו גיין אין זיינע וועגן אַלע טעג–זאָלסטו דיר צולייגן נאָך דריי שטעט צו דידאָזיקע דריי; [10] כדי עס זאָל ניט פאַרגאָסן ווערן אומשולדיק בלוט אין דיין לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר פאַר אַ נחלה, און עס זאָל ניט זיין אויף דיר קיין בלוט.

[11] אָבער אַז אַ מאַן וועט זיין אַ שונא זיין חבר, און ער וועט לויערן אויף אים, און וועט אויפשטיין אויף אים, און וועט אים שלאָגן צום טויט, און ער וועט שטאַרבן; און ער וועט אַנטלויפן אין איינער פון דידאָזיקע שטעט, [12] זאָלן שיקן די עלטסטע פון זיין שטאָט, און אים נעמען פון דאָרטן, און אים איבערגעבן אין האַנט פון דעם בלוטמאָנער, און ער זאָל שטאַרבן. [13] דיין אויג זאָל זיך ניט דערבאַרימען אויף אים, און זאָלסט אויסראַמען אומשולדיק [פאַרגאָסן] בלוט פון ישראל, כדי דיר זאָל גוט זיין.

[14] זאָלסט ניט פאַררוקן דעם גרענעץ פון דיין חבר, וואָס די פריערדיקע האָבן אָפּגעגרענעצט, אין דיין נחלה וואָס דו וועסט ירשען, אין דעם לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר, עס צו אַרבן.

[15] עס זאָל ניט אויפשטיין איין עדות קעגן אַ מאַן וועגן אַ שום פאַרברעך אָדער אַ שום פאַרזינדיקונג–אין אַ שום זינד וואָס ער האָט געזינדיקט; דורך דעם מויל פון צוויי עדות, אָדער דורך דעם מויל פון דריי עדות, זאָל אַ זאַך באַשטיין. [16] אַז עס וועט אויפשטיין אַן אומגערעכטער עדות אַקעגן אַ מאַן, צו זאָגן אויף אים פאַרקערטע עדות, [17] זאָלן די צוויי מענטשן וואָס האָבן דעם שטרייט, זיך שטעלן פאַר גאָט, פאַר די כהנים און די ריכטער וואָס וועלן זיין אין יענע טעג. [18] און אויב די ריכטער וועלן גוט אויספאָרשן, ערשט דער עדות איז אַ פאַלשער עדות, ליגן האָט ער געזאָגט אויף זיין ברודער, [19] זאָלט איר טאָן צו אים, אַזוי ווי ער האָט געטראַכט צו טאָן צו זיין ברודער; און זאָלסט אויס־ראַמען דאָס בייז פון צווישן דיר. [20] און די איבעריקע וועלן הערן און וועלן מורא האָבן, און וועלן מער ניט טאָן

בַּגַּרְזֶן לִכְרֹת הָעֵץ וְנָשַׁל הַבַּרְזֶל מִן־הָעֵץ וּמָצָא אֶת־
ו רֵעֵהוּ וָמֵת הוּא יָנוּס אֶל־אַחַת הֶעָרִים־הָאֵלֶּה וָחָי׃ פֶּן־
יִרְדֹּף גֹּאֵל הַדָּם אַחֲרֵי הָרֹצֵחַ כִּי יֵחַם לְבָבוֹ וְהִשִּׂיגוֹ
כִּי־יִרְבֶּה הַדֶּרֶךְ וְהִכָּהוּ נָפֶשׁ וְלוֹ אֵין מִשְׁפַּט־מָוֶת כִּי
ז לֹא שֹׂנֵא הוּא לוֹ מִתְּמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃ עַל־כֵּן אָנֹכִי מְצַוְּךָ
ח לֵאמֹר שָׁלֹשׁ עָרִים תַּבְדִּיל לָךְ׃ וְאִם־יַרְחִיב יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ אֶת־גְּבֻלְךָ כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ וְנָתַן לְךָ אֶת־
ט כָּל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר דִּבֶּר לָתֵת לַאֲבֹתֶיךָ׃ כִּי־תִשְׁמֹר אֶת־
כָּל־הַמִּצְוָה הַזֹּאת לַעֲשֹׂתָהּ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לְאַהֲבָה
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְלָלֶכֶת בִּדְרָכָיו כָּל־הַיָּמִים וְיָסַפְתָּ לְךָ
י עוֹד שָׁלֹשׁ עָרִים עַל הַשָּׁלֹשׁ הָאֵלֶּה׃ וְלֹא יִשָּׁפֵךְ דָּם נָקִי
בְּקֶרֶב אַרְצְךָ אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה וְהָיָה
עָלֶיךָ דָּמִים׃ פ
יא וְכִי־יִהְיֶה אִישׁ שֹׂנֵא לְרֵעֵהוּ וְאָרַב לוֹ וְקָם עָלָיו וְהִכָּהוּ
יב נֶפֶשׁ וָמֵת וְנָס אֶל־אַחַת הֶעָרִים הָאֵל׃ וְשָׁלְחוּ זִקְנֵי עִירוֹ
יג וְלָקְחוּ אֹתוֹ מִשָּׁם וְנָתְנוּ אֹתוֹ בְּיַד גֹּאֵל הַדָּם וָמֵת׃ לֹא־
תָחוֹס עֵינְךָ עָלָיו וּבִעַרְתָּ דַם־הַנָּקִי מִיִּשְׂרָאֵל וְטוֹב לָךְ׃
ששי ס לֹא תַסִּיג גְּבוּל רֵעֲךָ אֲשֶׁר גָּבְלוּ רִאשֹׁנִים בְּנַחֲלָתְךָ
אֲשֶׁר תִּנְחַל בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ לְרִשְׁתָּהּ׃
טו ס לֹא־יָקוּם עֵד אֶחָד בְּאִישׁ לְכָל־עָוֹן וּלְכָל־חַטָּאת
בְּכָל־חֵטְא אֲשֶׁר יֶחֱטָא עַל־פִּי ׀ שְׁנֵי עֵדִים אוֹ עַל־פִּי
טז שְׁלֹשָׁה־עֵדִים יָקוּם דָּבָר׃ כִּי־יָקוּם עֵד־חָמָס בְּאִישׁ לַעֲנוֹת
יז בּוֹ סָרָה׃ וְעָמְדוּ שְׁנֵי־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־לָהֶם הָרִיב לִפְנֵי
יְהוָה לִפְנֵי הַכֹּהֲנִים וְהַשֹּׁפְטִים אֲשֶׁר יִהְיוּ בַּיָּמִים הָהֵם׃
יח וְדָרְשׁוּ הַשֹּׁפְטִים הֵיטֵב וְהִנֵּה עֵד־שֶׁקֶר הָעֵד שֶׁקֶר עָנָה
יט בְאָחִיו׃ וַעֲשִׂיתֶם לוֹ כַּאֲשֶׁר זָמַם לַעֲשׂוֹת לְאָחִיו וּבִעַרְתָּ
כ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ׃ וְהַנִּשְׁאָרִים יִשְׁמְעוּ וְיִרָאוּ וְלֹא־יֹסִפוּ לַעֲשׂוֹת

יא׳ סבירין האלה   יט׳ הטעם נסוג אחור

כא עֹוד כַּדָּבָר הָרָע הַזֶּה בְּקִרְבֶּךָ׃ וְלֹא תָחֹוס עֵינֶךָ נֶפֶשׁ
בְּנֶפֶשׁ עַיִן בְּעַיִן שֵׁן בְּשֵׁן יָד בְּיָד רֶגֶל בְּרָגֶל׃ ס

כ

א כִּי־תֵצֵא לַמִּלְחָמָה עַל־אֹיְבֶךָ וְרָאִיתָ סוּס וָרֶכֶב עַם רַב
מִמְּךָ לֹא תִירָא מֵהֶם כִּי־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ עִמָּךְ הַמַּעַלְךָ
ב מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְהָיָה כְּקָרָבְכֶם אֶל־הַמִּלְחָמָה וְנִגַּשׁ
ג הַכֹּהֵן וְדִבֶּר אֶל־הָעָם׃ וְאָמַר אֲלֵהֶם שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אַתֶּם
קְרֵבִים הַיּוֹם לַמִּלְחָמָה עַל־אֹיְבֵיכֶם אַל־יֵרַךְ לְבַבְכֶם
ד אַל־תִּירְאוּ וְאַל־תַּחְפְּזוּ וְאַל־תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם׃ כִּי יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם הַהֹלֵךְ עִמָּכֶם לְהִלָּחֵם לָכֶם עִם־אֹיְבֵיכֶם לְהוֹשִׁיעַ
ה אֶתְכֶם׃ וְדִבְּרוּ הַשֹּׁטְרִים אֶל־הָעָם לֵאמֹר מִי־הָאִישׁ אֲשֶׁר
בָּנָה בַיִת־חָדָשׁ וְלֹא חֲנָכוֹ יֵלֵךְ וְיָשֹׁב לְבֵיתוֹ פֶּן־יָמוּת
ו בַּמִּלְחָמָה וְאִישׁ אַחֵר יַחְנְכֶנּוּ׃ וּמִי־הָאִישׁ אֲשֶׁר נָטַע
כֶּרֶם וְלֹא חִלְּלוֹ יֵלֵךְ וְיָשֹׁב לְבֵיתוֹ פֶּן־יָמוּת בַּמִּלְחָמָה
ז וְאִישׁ אַחֵר יְחַלְּלֶנּוּ׃ וּמִי־הָאִישׁ אֲשֶׁר אֵרַשׂ אִשָּׁה וְלֹא
לְקָחָהּ יֵלֵךְ וְיָשֹׁב לְבֵיתוֹ פֶּן־יָמוּת בַּמִּלְחָמָה וְאִישׁ אַחֵר
ח יִקָּחֶנָּה׃ וְיָסְפוּ הַשֹּׁטְרִים לְדַבֵּר אֶל־הָעָם וְאָמְרוּ מִי־
הָאִישׁ הַיָּרֵא וְרַךְ הַלֵּבָב יֵלֵךְ וְיָשֹׁב לְבֵיתוֹ וְלֹא יִמַּס אֶת־
ט לְבַב אֶחָיו כִּלְבָבוֹ׃ וְהָיָה כְּכַלֹּת הַשֹּׁטְרִים לְדַבֵּר אֶל־
י הָעָם וּפָקְדוּ שָׂרֵי צְבָאוֹת בְּרֹאשׁ הָעָם׃ ס כִּי־תִקְרַב
יא אֶל־עִיר לְהִלָּחֵם עָלֶיהָ וְקָרָאתָ אֵלֶיהָ לְשָׁלוֹם׃ וְהָיָה
אִם־שָׁלוֹם תַּעַנְךָ וּפָתְחָה לָךְ וְהָיָה כָּל־הָעָם הַנִּמְצָא־בָהּ
יב יִהְיוּ לְךָ לָמַס וַעֲבָדוּךָ׃ וְאִם־לֹא תַשְׁלִים עִמָּךְ וְעָשְׂתָה
יג עִמְּךָ מִלְחָמָה וְצַרְתָּ עָלֶיהָ׃ וּנְתָנָהּ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּיָדֶךָ
יד וְהִכִּיתָ אֶת־כָּל־זְכוּרָהּ לְפִי־חָרֶב׃ רַק הַנָּשִׁים וְהַטַּף
וְהַבְּהֵמָה וְכֹל אֲשֶׁר יִהְיֶה בָעִיר כָּל־שְׁלָלָהּ תָּבֹז לָךְ
טו וְאָכַלְתָּ אֶת־שְׁלַל אֹיְבֶיךָ אֲשֶׁר נָתַן יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לָךְ׃ כֵּן
תַּעֲשֶׂה לְכָל־הֶעָרִים הָרְחֹקֹת מִמְּךָ מְאֹד אֲשֶׁר לֹא־מֵעָרֵי

אַזוי ווי דידאָזיקע שלעכטע זאַך צווישן דיר. [21] און דיין אויג זאָל זיך ניט דערבאַרימען: אַ נפש פאַר אַ נפש, אַן אויג פאַר אַן אויג, אַ צאָן פאַר אַ צאָן, אַ האַנט פאַר אַ האַנט, אַ פוס פאַר אַ פוס.

**כ** [1] אַז דו וועסט אַרויסגיין אויף מלחמה אַקעגן דיין פיינט, און וועסט זען פערד און רייטוועגן, פאָלק מער פון דיר, זאָלסטו ניט מורא האָבן פאַר זיי, וואָרום יהוה דיין גאָט איז מיט דיר, דער וואָס האָט דיך אויפגעבראַכט פון לאַנד מצרים. [2] און עס וועט זיין, ווי איר דערנענטערט זיך צו דער מלחמה, אַזוי זאָל גענענען דער כהן, און זאָל רעדן צום פאָלק, [3] און זאָגן צו זיי: הער, ישראל, איר גענענט היינט אויף מלחמה אַקעגן אייערע פיינט, זאָל ניט שלאַף ווערן אייער האַרץ; איר זאָלט ניט מורא האָבן און ניט איילן און זיך ניט שרעקן פאַר זיי; [4] וואָרום יהוה אייער גאָט איז דער וואָס גייט מיט אייך, מלחמה צו האַלטן פאַר אייך אַקעגן אייערע פיינט, אייך צו העלפן. [5] און די אויפזעער זאָלן רעדן צום פאָלק, אַזוי צו זאָגן: איז ווער עמיצער דאָ וואָס האָט געבויט אַ ניי הויז, און האָט עס ניט באַנייט? זאָל ער גיין און זיך אומקערן צו זיין הוים, טאָמער שטאַרבט ער אין מלחמה, און אַן אַנדער מאַן וועט עס באַנייען. [6] אָדער איז ווער עמיצער דאָ וואָס האָט געפלאַנצט אַ וויינגאָרטן, און האָט אים ניט אָנגעהויבן? זאָל ער גיין און זיך אומקערן צו זיין היים, טאָמער שטאַרבט ער אין מלחמה, און אַן אַנדער מאַן וועט עס אָנהייבן. [7] אָדער איז ווער עמיצער דאָ וואָס האָט פאַרקנסט אַ ווייב, און האָט זי ניט גענומען? זאָל ער גיין און זיך אומקערן צו זיין היים, טאָמער שטאַרבט ער אין מלחמה, און אַן אַנדער מאַן וועט זי נעמען. [8] און די אויפזעער זאָלן ווייטער רעדן צום פאָלק, און זאָגן: איז ווער עמיצער דאָ וואָס איז שרעקעדיק און ווייכהאַרציק? זאָל ער גיין און זיך אומקערן צו זיין היים, כדי דאָס האַרץ פון זיינע ברידער זאָל ניט צעגיין אַזוי ווי זיין האַרץ. [9] און עס וועט זיין, ווי די אויפזעער ענדיקן רעדן צום פאָלק, אַזוי זאָלן זיי אויפזעצן חיל־פירער איבערן פאָלק.

[10] אַז דו וועסט גענענען צו אַ שטאָט, צו האַלטן מלחמה אויף איר, זאָלסטו איר צורופן שלום. [11] און עס וועט זיין, אויב זי וועט דיר ענטפערן שלום, און וועט דיר עפענען, איז, דאָס גאַנצע פאָלק, וואָס געפינט זיך אין איר, זאָל דיר ווערן צו צינז און דיר דינען. [12] אויב אָבער זי וועט ניט אַיינגיין אויף שלום מיט דיר, און וועט מאַכן מלחמה מיט דיר, זאָלסטו לעגערן אויף איר; [13] און אַז יהוה דיין גאָט וועט זי געבן אין דיין האַנט, זאָלסטו טייטן אַלע אירע מאַנספאַרשוינען מיטן שאַרף פון שווערד. [14] נאָר די ווייבער און די קליינע קינדער, און די בהמות, און אַלץ וואָס וועט זיין אין דער שטאָט, איר גאַנצן רויב, זאָלסטו רויבן פאַר דיר; און זאָלסט עסן דעם רויב פון דיינע פיינט, וואָס יהוה דיין גאָט האָט דיר געגעבן. [15] אַזוי זאָלסטו טאָן צו אַלע שטעט וואָס זיינען זייער ווייט פון דיר, וואָס זיי זיינען ניט פון די שטעט

פון די היגע פעלקער. 16 אָבער פון די שטעט פון די היגע אומות, וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר פאַר אַ נחלה, זאָלסטו ניט לאָזן לעבן קיין אָטעם. 17 נייערט פאַרוויסטן זאָלסטו זיי פאַרוויסטן: דעם חִתּי, און דעם אֱמוֹרי, דעם כּנַעֲני, און דעם פּרִזי, דעם חִוִי, און דעם יבוּסי, אַזוי ווי יהוה דיין גאָט האָט דיר באַפוילן; 18 כּדי זיי זאָלן אַייך ניט לערנען צו טאָן אַזוי ווי אַלע זייערע אומווערדיקייטן וואָס זיי האָבן געטאָן צו זייערע געטער, און איר וועט זינדיקן צו יהוה אַייער גאָט.

19 אַז דו וועסט לעגערן אויף אַ שטאָט פיל טעג צו האַלטן מלחמה אויף איר, כּדי זי אַיינצונעמען, זאָלסטו ניט צעשטערן אירע ביימער דורך אויפהייבן דערויף אַ האַק; ווייל עסן פון זיי מעגסטו, אָבער זיי אָפּהאַקן טאָרסטו ניט; וואָרום איז דער בוים פון פעלד אַ מענטש, צו זיין אין באַלעגערונג פון דיר? 20 בלויז אַ בוים וואָס דו ווייסט, אַז ער איז ניט אַ בוים צו עסן, אים מעגסטו צעשטערן און אָפּהאַקן, און בויען באַלאַגערווערק אַרום דער שטאָט וואָס האַלט מיט דיר מלחמה, ביז איר נידערונג.

טו הגוים־האלה הנה: רק מערי העמים האלה אשר יהוה
טז אלהיך נתן לך נחלה לא תחיה כל־נשמה: כי־החרם
תחרימם החתי והאמרי הכנעני והפרזי החוי והיבוסי
יח כאשר צוך יהוה אלהיך: למען אשר לא־ילמדו אתכם
לעשות ככל תועבתם אשר עשו לאלהיהם וחטאתם
יט ליהוה אלהיכם: ס כי־תצור אל־עיר ימים רבים
להלחם עליה לתפשה לא־תשחית את־עצה לנדח עליו
גרזן כי ממנו תאכל ואתו לא תכרת כי האדם עץ השדה
כ לבא מפניך במצור: רק עץ אשר־תדע כי לא־עץ
מאכל הוא אתו תשחית וכרת ובנית מצור על־העיר
אשר־הוא עשה עמך מלחמה עד רדתה: פ

כא

א כי־ימצא חלל באדמה אשר יהוה אלהיך נתן לך
ב לרשתה נפל בשדה לא נודע מי הכהו: ויצאו זקניך
ג ושפטיך ומדדו אל־הערים אשר סביבת החלל: והיה
העיר הקרבה אל־החלל ולקחו זקני העיר ההוא עגלת
ד בקר אשר לא־עבד בה אשר לא־משכה בעל: והורדו
זקני העיר ההוא את־העגלה אל־נחל איתן אשר לא
ה יעבד בו ולא יזרע וערפו־שם את־העגלה בנחל: ונגשו
הכהנים בני לוי כי בם בחר יהוה אלהיך לשרתו ולברך
ו בשם יהוה ועל־פיהם יהיה כל־ריב וכל־נגע: וכל זקני
העיר ההוא הקרבים אל־החלל ירחצו את־ידיהם על־
מפ׳ העגלה הערופה בנחל: וענו ואמרו ידינו לא שפכה
ח את־הדם הזה ועינינו לא ראו: כפר לעמך ישראל
אשר־פדית יהוה ואל־תתן דם נקי בקרב עמך ישראל
ט ונכפר להם הדם: ואתה תבער הדם הנקי מקרבך
כי־תעשה הישר בעיני יהוה: ס

כא, ז׳ שפכו ק

כא 1 אַז אַ געהרגעטער וועט געפונען ווערן ליגנדיק אין פעלד, אין דעם לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר עס צו אַרבן, און עס איז ניט באַוווּסט ווער עס האָט אים דערשלאָגן, 2 זאָלן אַרויסגיין דיינע עלטסטע און דיינע ריכטער, און זיי זאָלן אָפּמעסטן ביז די שטעט וואָס אַרום דעם געהרגעטן. 3 און עס זאָל זיין: די שטאָט וואָס איז די נענטסטע צום געהרגעטן, זאָלן די עלטסטע פון יענער שטאָט נעמען אַ יונגע קו, וואָס מיט איר איז נאָך ניט געאַרבעט געוואָרן, וואָס האָט נאָך ניט געצויגן אַ יאָך. 4 און די עלטסטע פון יענער שטאָט זאָלן אַראָפּנידערן די יונגע קו צו אַ האַרטן טאָל, וואָס ווערט ניט באַאַרבעט און ניט באַזייט; און זיי זאָלן אָפּהאַקן דער יונגער קו דאָס גניק דאָרטן אין טאָל. 5 און די כּהנים, די קינדער פון לֵוִי, זאָלן גענענען; וואָרום זיי האָט יהוה דיין גאָט אויסדערווײלט אים צו טאָן דינסט, און צו בענטשן אין נאָמען פון גאָט, און לויט זייער מויל זאָל זיין ביי יעטוועדער שטרייט און יעט־וועדער שעדיקונג. 6 און אַלע עלטסטע פון יענער שטאָט, די נענטסטע צום געהרגעטן, זאָלן וואַשן זייערע הענט איבער דער יונגער קו וואָס מע האָט איר אָפּגעהאַקט דאָס גניק אין טאָל. 7 און זיי זאָלן אויסרופן און זאָגן: אונדזערע הענט האָבן ניט פאַרגאָסן דאָסדאָזיקע בלוט, און אונדזערע אויגן האָבן ניט געזען. 8 פאַרגיב דיין פאָלק ישראל, וואָס דו, גאָט, האָסט אויסגעלייזט, און לאָז ניט אומשולדיק [פאַרגאָסן] בלוט צווישן דיין פאָלק ישראל, און זיי זאָל פאַרגעבן ווערן דאָס בלוט. 9 אַזוי זאָלסטו אויסראַמען אומשולדיק [פאַרגאָסן] בלוט פון צווישן דיר, אויב דו ווילסט טאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט.

# כִּי תֵצֵא

י כִּֽי־תֵצֵ֥א לַמִּלְחָמָ֖ה עַל־אֹיְבֶ֑יךָ וּנְתָנ֞וֹ יְהוָ֧ה אֱלֹהֶ֛יךָ בְּיָדֶ֖ךָ
יא וְשָׁבִ֥יתָ שִׁבְיֽוֹ׃ וְרָאִיתָ֙ בַּשִּׁבְיָ֔ה אֵ֖שֶׁת יְפַת־תֹּ֑אַר וְחָשַׁקְתָּ֣
יב בָ֔הּ וְלָקַחְתָּ֥ לְךָ֖ לְאִשָּֽׁה׃ וַהֲבֵאתָ֖הּ אֶל־תּ֣וֹךְ בֵּיתֶ֑ךָ וְגִלְּחָה֙
יג אֶת־רֹאשָׁ֔הּ וְעָשְׂתָ֖ה אֶת־צִפָּרְנֶֽיהָ׃ וְהֵסִ֩ירָה֩ אֶת־שִׂמְלַ֨ת
שִׁבְיָ֜הּ מֵעָלֶ֗יהָ וְיָֽשְׁבָה֙ בְּבֵיתֶ֔ךָ וּבָֽכְתָ֛ה אֶת־אָבִ֥יהָ וְאֶת־
אִמָּ֖הּ יֶ֣רַח יָמִ֑ים וְאַ֨חַר כֵּ֜ן תָּב֤וֹא אֵלֶ֙יהָ֙ וּבְעַלְתָּ֔הּ וְהָיְתָ֥ה
יד לְךָ֖ לְאִשָּֽׁה׃ וְהָיָ֞ה אִם־לֹ֧א חָפַ֣צְתָּ בָּ֗הּ וְשִׁלַּחְתָּהּ֙ לְנַפְשָׁ֔הּ
וּמָכֹ֥ר לֹא־תִמְכְּרֶ֖נָּה בַּכָּ֑סֶף לֹא־תִתְעַמֵּ֣ר בָּ֔הּ תַּ֖חַת אֲשֶׁ֥ר
טו עִנִּיתָֽהּ׃ ס כִּֽי־תִהְיֶ֨יןָ לְאִ֜ישׁ שְׁתֵּ֣י נָשִׁ֗ים הָאַחַ֣ת
אֲהוּבָה֮ וְהָאַחַ֣ת שְׂנוּאָה֒ וְיָֽלְדוּ־ל֣וֹ בָנִ֔ים הָאֲהוּבָ֖ה וְהַשְּׂנוּאָ֑ה
טז וְהָיָ֛ה הַבֵּ֥ן הַבְּכֹ֖ר לַשְּׂנִיאָֽה׃ וְהָיָ֗ה בְּיוֹם֙ הַנְחִיל֣וֹ אֶת־בָּנָ֔יו
אֵ֥ת אֲשֶׁר־יִהְיֶ֖ה ל֑וֹ לֹ֣א יוּכַ֗ל לְבַכֵּר֙ אֶת־בֶּן־הָ֣אֲהוּבָ֔ה עַל־
יז פְּנֵ֥י בֶן־הַשְּׂנוּאָ֖ה הַבְּכֹֽר׃ כִּי֩ אֶת־הַבְּכֹ֨ר בֶּן־הַשְּׂנוּאָ֜ה יַכִּ֗יר
לָ֤תֶת לוֹ֙ פִּ֣י שְׁנַ֔יִם בְּכֹ֖ל אֲשֶׁר־יִמָּצֵ֣א ל֑וֹ כִּי־הוּא֙ רֵאשִׁ֣ית
יח אֹנ֔וֹ ל֖וֹ מִשְׁפַּ֥ט הַבְּכֹרָֽה׃ ס כִּֽי־יִהְיֶ֣ה לְאִ֗ישׁ בֵּ֚ן סוֹרֵ֣ר
וּמוֹרֶ֔ה אֵינֶ֣נּוּ שֹׁמֵ֔עַ בְּק֥וֹל אָבִ֖יו וּבְק֣וֹל אִמּ֑וֹ וְיִסְּר֣וּ אֹת֔וֹ וְלֹ֥א
יט יִשְׁמַ֖ע אֲלֵיהֶֽם׃ וְתָ֥פְשׂוּ ב֖וֹ אָבִ֣יו וְאִמּ֑וֹ וְהוֹצִ֧יאוּ אֹת֛וֹ אֶל־
כ זִקְנֵ֥י עִיר֖וֹ וְאֶל־שַׁ֥עַר מְקֹמֽוֹ׃ וְאָמְר֞וּ אֶל־זִקְנֵ֣י עִיר֗וֹ בְּנֵ֤נוּ
כא זֶה֙ סוֹרֵ֣ר וּמֹרֶ֔ה אֵינֶ֥נּוּ שֹׁמֵ֖עַ בְּקֹלֵ֑נוּ זוֹלֵ֖ל וְסֹבֵֽא׃ וּ֠רְגָמֻהוּ
כָּל־אַנְשֵׁ֨י עִיר֤וֹ בָֽאֲבָנִים֙ וָמֵ֔ת וּבִֽעַרְתָּ֥ הָרָ֖ע מִקִּרְבֶּ֑ךָ וְכָל־
שני יִשְׂרָאֵ֖ל יִשְׁמְע֥וּ וְיִרָֽאוּ׃ ס וְכִֽי־יִהְיֶ֣ה בְאִ֗ישׁ חֵ֛טְא
כג מִשְׁפַּט־מָ֖וֶת וְהוּמָ֑ת וְתָלִ֥יתָ אֹת֖וֹ עַל־עֵֽץ׃ לֹא־תָלִ֨ין
נִבְלָת֜וֹ עַל־הָעֵ֗ץ כִּֽי־קָב֤וֹר תִּקְבְּרֶ֙נּוּ֙ בַּיּ֣וֹם הַה֔וּא כִּֽי־קִלְלַ֥ת
אֱלֹהִ֖ים תָּל֑וּי וְלֹ֤א תְטַמֵּא֙ אֶת־אַדְמָ֣תְךָ֔ אֲשֶׁר֙ יְהוָ֣ה אֱלֹהֶ֔יךָ
נֹתֵ֥ן לְךָ֖ נַחֲלָֽה׃ ס

כב

א לֹֽא־תִרְאֶה֩ אֶת־שׁ֨וֹר אָחִ֜יךָ א֤וֹ אֶת־שֵׂיוֹ֙ נִדָּחִ֔ים וְהִתְעַלַּמְתָּ֖

[10] אַז דו וועסט אַרויסגיין אין מלחמה אַקעגן דיינע פיינט, און יהוה דיין גאָט וועט זיי געבן אין דיין האַנט, און וועסט פאַנגען פון זיי געפאַנגענע, [11] און וועסט זען צווישן די געפאַנגענע אַ פרוי שיין אין געשטאַלט, און וועסט זי גלוסטן, און וועסט זי דיר וועלן נעמען פאַר אַ ווייב, [12] זאָלסטו זי ברענגען אין דיין הויז, און זי זאָל אָפּגאָלן איר קאָפּ, און אָפּשניידן אירע נעגל; [13] און זי זאָל אויסטאָן פון זיך די קליידונג פון איר געפאַנגענשאַפט, און זיצן אין דיין הויז, און באַוויינען איר פאָטער און איר מוטער אַ חודש צייט, און דערנאָך זאָלסטו קומען צו איר, און זי באַמאַנען, און זי זאָל דיר ווערן פאַר אַ ווייב. [14] און עס וועט זיין, אויב זי וועט דיר ניט געפעלן, זאָלסטו זי לאָזן גיין וווהין זי וויל, אָבער פאַרקויפן פאַר געלט זאָלסטו זי ניט פאַרקויפן; טאָרסט ניט באַלעבאַטעווען איבער איר; דערפאַר וואָס דו האָסט זי געפייניקט.

[15] אַז אַ מאַן וועט האָבן צוויי ווייבער, איינע אַ באַליבטע און איינע אַ פאַרהאַסטע, און זיי וועלן אים געבערן זין, אי די באַליבטע אי די פאַרהאַסטע, און דער זון דער בכור וועט זיין פון דער פאַרהאַסטער, [16] איז, אין דעם טאָג וואָס ער גיט ירושה זיינע זין דאָס וואָס ער האָט, קען ער ניט מאַכן פאַר דעם בכור דעם זון פון דער באַליבטער איבער דעם זון פון דער פאַרהאַסטער, וואָס איז דער בכור. [17] נייערט דעם בכור דעם זון פון דער פאַרהאַסטער מוז ער אָנדערקענען, אים צו געבן צוויי חלקים פון אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט; וואָרום ער איז דער ערשטלינג פון זיין קראַפט, צו אים געהערט דאָס רעכט פון דער בכורה.

[18] אַז אַ מאַן וועט האָבן אַ זון אַן אָפּקערער און אַ ווידערשפעניקער, וואָס הערט ניט צו דעם קול פון זיין פאָטער, און צו דעם קול פון זיין מוטער, און זיי וועלן אים שטראָפן, און ער וועט ניט צוהערן צו זיי, [19] זאָל זיין פאָטער און זיין מוטער אים אָננעמען, און אים אַרויספירן צו די עלטסטע פון זיין שטאָט, און צו דעם טויער פון זיין אָרט. [20] און זיי זאָלן זאָגן צו די עלטסטע פון זיין שטאָט: דער דאָזיקער זון אונדזערער איז אַן אָפּקערער און אַ ווידערשפעניקער, ער הערט ניט צו אונדזער קול; ער איז אַ פרעסער און אַ זויפער. [21] און אַלע מענטשן פון זיין שטאָט זאָלן אים פאַרוואַרפן מיט שטיינער, און ער זאָל שטאַרבן. און זאָלסט אויסראַמען דאָס בייז פון צווישן דיר; און גאַנץ ישראל וועלן הערן, און וועלן מורא האָבן.

[22] און אַז אויף אַ מאַן וועט זיין אַ זינד פון טויטשטראָף, און ער וועט געטייט ווערן, און וועסט אים אויפהענגען אויף אַ בוים, [23] זאָלסטו ניט לאָזן איבערנעכטיקן זיין טויטן לייב אויפן בוים; נאָר באַגראָבן זאָלסטו אים באַגראָבן אין דעם אייגענעם טאָג; וואָרום אַ שענדונג פון גאָט איז אַ געהאַנגענער; און זאָלסט ניט פאַראומרייניקן דיין לאַנד, וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר פאַר אַ נחלה.

כב [1] זאָלסט ניט זען דיין ברודערס אָקס אָדער זיין שעפּס פאַרבלאָנדזשעטע, און זיך פאַרהוילן פון זיי;

אומקערן זאָלסטו זיי אומקערן צו דיין ברודער. [2] און אויב דיין ברודער איז ניט נאָנט פון דיר, אָדער דו קענסט אים ניט, זאָלסטו עס אַריינעמען אין דיין הויז, און עס זאָל זיין ביי דיר, ביז דיין ברודער פרעגט זיך נאָך אויף דעם, און וועסט עס אים אומקערן. [3] און אַזוי זאָלסטו טאָן מיט זיין אייזל, און אַזוי זאָלסטו טאָן מיט זיין קלייד, און אַזוי זאָלסטו טאָן מיט אַלעם פאַרלאָרענעם פון דיין ברודער, וואָס וועט פאַרלאָרן ווערן ביי אים, און דו וועסט עס געפינען; טאָרסט זיך ניט פאַרהוילן.

[4] זאָלסט ניט זען דיין ברודערס אייזל אָדער זיין אָקס געפאַלן אין וועג, און זיך פאַרהוילן פון זיי; אויפשטעלן זאָלסטו זיי אויפשטעלן אין איינעם מיט אים.

[5] אויף אַ פרוי זאָל ניט זיין אַ בגד פון אַ מאַנספאַרשוין, און אַ מאַנספאַרשוין זאָל ניט אָנטאָן אַ קלייד פון אַ פרוי; וואָרום אַן אומווערדיקייט ביי יהוה דיין גאָט איז איטלעכער וואָס טוט דאָס.

[6] אַז פאַר דיר וועט זיך טרעפן אין וועג אַ נעסט פון אַ פויגל אויף ערגעץ אַ בוים, אָדער אויף דער ערד, מיט פייגעלעך אָדער אייער, און די מוטער זיצט אויף די פייגעלעך אָדער אויף די אייער, זאָלסטו ניט נעמען די מוטער אין איינעם מיט די קינדער. [7] אַוועקלאָזן זאָלסטו אַוועקלאָזן די מוטער, און די קינדער זאָלסטו נעמען צו דיר; כּדי דיר זאָל גוט זיין, און זאָלסט מאַריך־יָמים זיין.

[8] אַז דו וועסט בויען אַ ניי הויז, זאָלסטו מאַכן אַ געלענדער צו דיין דאַך, כּדי זאָלסט ניט ברענגען בלוט אויף דיין הויז, אַז עמיצער וועט אַראָפּפאַלן פון אים.

[9] זאָלסט ניט פאַרזייען דיין וויינגאָרטן געמישט, כּדי עס זאָל ניט הייליק ווערן[א] די שֶפע פון דעם זאָמען וואָס דו וועסט זייען, אי דער אַיינטראָג פון דעם וויינגאָרטן.

[10] זאָלסט ניט אַקערן מיט אַן אָקס און אַן אייזל אין איינעם.

[11] זאָלסט ניט אָנטאָן שַעַטנֵז, וואָל מיט פלאַקס אין איינעם.

[12] פרענדז זאָלסטו דיר מאַכן אויף די פיר עקן פון דיין צודעק וואָס דו דעקסט זיך דערמיט צו.

[13] אַז אַ מאַן וועט נעמען אַ ווייב, און וועט קומען צו איר, און וועט זי פיינט קריגן, [14] און ער וועט מאַכן אויף איר אַ בלבול, און אַרויסלאָזן אויף איר אַ שֵם־רַע, און זאָגן: איך האָב גענומען דידאָזיקע ווייב, און איך האָב צו איר גענענט, און האָב ביי איר ניט געפונען קיין בתולים; [15] זאָל דער פאָטער פון דער מיידל, און איר מוטער, נעמען און אַרויסברענגען די בתולים פון דער מיידל צו די עלטסטע פון שטאָט, אין טויער. [16] און דער פאָטער פון דער מיידל זאָל זאָגן צו די עלטסטע: איך האָב געגעבן מיין טאָכטער צו דעמדאָזיקן מאַן פאַר אַ ווייב, און ער האָט זי פיינט געקריגן; [17] און אָט מאַכט ער אַ בלבול, אַזוי צו זאָגן: איך האָב ניט געפונען ביי דיין טאָכטער קיין בתולים; און דאָס זיינען די בתולים פון מיין טאָכטער. און זיי זאָלן פאַנאַנדערשפרייטן די דעקע פאַר די עלטסטע פון שטאָט.

ב מֵהֶם הָשֵׁב תְּשִׁיבֵם לְאָחִיךָ׃ וְאִם־לֹא קָרוֹב אָחִיךָ אֵלֶיךָ
וְלֹא יְדַעְתּוֹ וַאֲסַפְתּוֹ אֶל־תּוֹךְ בֵּיתֶךָ וְהָיָה עִמְּךָ עַד דְּרֹשׁ
ג אָחִיךָ אֹתוֹ וַהֲשֵׁבֹתוֹ לוֹ׃ וְכֵן תַּעֲשֶׂה לַחֲמֹרוֹ וְכֵן תַּעֲשֶׂה
לְשִׂמְלָתוֹ וְכֵן תַּעֲשֶׂה לְכָל־אֲבֵדַת אָחִיךָ אֲשֶׁר־תֹּאבַד
ד מִמֶּנּוּ וּמְצָאתָהּ לֹא תוּכַל לְהִתְעַלֵּם׃ ס לֹא־תִרְאֶה
אֶת־חֲמוֹר אָחִיךָ אוֹ שׁוֹרוֹ נֹפְלִים בַּדֶּרֶךְ וְהִתְעַלַּמְתָּ מֵהֶם
ה הָקֵם תָּקִים עִמּוֹ׃ ס לֹא־יִהְיֶה כְלִי־גֶבֶר עַל־אִשָּׁה
וְלֹא־יִלְבַּשׁ גֶּבֶר שִׂמְלַת אִשָּׁה כִּי תוֹעֲבַת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
כָּל־עֹשֵׂה אֵלֶּה׃ פ
ו כִּי יִקָּרֵא קַן־צִפּוֹר ׀ לְפָנֶיךָ בַּדֶּרֶךְ בְּכָל־עֵץ ׀ אוֹ עַל־
הָאָרֶץ אֶפְרֹחִים אוֹ בֵיצִים וְהָאֵם רֹבֶצֶת עַל־הָאֶפְרֹחִים
ז אוֹ עַל־הַבֵּיצִים לֹא־תִקַּח הָאֵם עַל־הַבָּנִים׃ שַׁלֵּחַ תְּשַׁלַּח
אֶת־הָאֵם וְאֶת־הַבָּנִים תִּקַּח־לָךְ לְמַעַן יִיטַב לָךְ וְהַאֲרַכְתָּ
שלי יָמִים׃ ס כִּי תִבְנֶה בַּיִת חָדָשׁ וְעָשִׂיתָ מַעֲקֶה לְגַגֶּךָ
ט וְלֹא־תָשִׂים דָּמִים בְּבֵיתֶךָ כִּי־יִפֹּל הַנֹּפֵל מִמֶּנּוּ׃ לֹא־
תִזְרַע כַּרְמְךָ כִּלְאָיִם פֶּן־תִּקְדַּשׁ הַמְלֵאָה הַזֶּרַע אֲשֶׁר תִּזְרָע
י וּתְבוּאַת הַכָּרֶם׃ ס לֹא־תַחֲרֹשׁ בְּשׁוֹר־וּבַחֲמֹר יַחְדָּו׃
יא יב לֹא תִלְבַּשׁ שַׁעַטְנֵז צֶמֶר וּפִשְׁתִּים יַחְדָּו׃ ס גְּדִלִים
תַּעֲשֶׂה־לָּךְ עַל־אַרְבַּע כַּנְפוֹת כְּסוּתְךָ אֲשֶׁר תְּכַסֶּה־בָּהּ׃
יג יד ס כִּי־יִקַּח אִישׁ אִשָּׁה וּבָא אֵלֶיהָ וּשְׂנֵאָהּ׃ וְשָׂם לָהּ
עֲלִילֹת דְּבָרִים וְהוֹצִא עָלֶיהָ שֵׁם רָע וְאָמַר אֶת־הָאִשָּׁה
הַזֹּאת לָקַחְתִּי וָאֶקְרַב אֵלֶיהָ וְלֹא־מָצָאתִי לָהּ בְּתוּלִים׃
טו וְלָקַח אֲבִי הַנַּעֲרָ וְאִמָּהּ וְהוֹצִיאוּ אֶת־בְּתוּלֵי הַנַּעֲרָ אֶל־
טז זִקְנֵי הָעִיר הַשָּׁעְרָה׃ וְאָמַר אֲבִי הַנַּעֲרָ אֶל־הַזְּקֵנִים אֶת־
יז בִּתִּי נָתַתִּי לָאִישׁ הַזֶּה לְאִשָּׁה וַיִּשְׂנָאֶהָ׃ וְהִנֵּה־הוּא
שָׂם עֲלִילֹת דְּבָרִים לֵאמֹר לֹא־מָצָאתִי לְבִתְּךָ בְּתוּלִים
וְאֵלֶּה בְּתוּלֵי בִתִּי וּפָרְשׂוּ הַשִּׂמְלָה לִפְנֵי זִקְנֵי הָעִיר׃

ט׳ קמץ בז״ק   טו׳ זה קרי   זה קרי   טז׳ זה קרי

[א] ד. ה. פאַרווערט פאַרן געברויך.

וְלָקְחוּ זִקְנֵי הָעִיר־הַהִוא אֶת־הָאִישׁ וְיִסְּרוּ אֹתוֹ׃ וְעָנְשׁוּ יח
אֹתוֹ מֵאָה כֶסֶף וְנָתְנוּ לַאֲבִי הַנַּעֲרָה כִּי הוֹצִיא שֵׁם רָע יט
עַל בְּתוּלַת יִשְׂרָאֵל וְלוֹ־תִהְיֶה לְאִשָּׁה לֹא־יוּכַל לְשַׁלְּחָהּ
כָּל־יָמָיו׃ ס וְאִם־אֱמֶת הָיָה הַדָּבָר הַזֶּה לֹא־נִמְצְאוּ כ
בְתוּלִים לַנַּעֲרָ׃ וְהוֹצִיאוּ אֶת־הַנַּעֲרָ אֶל־פֶּתַח בֵּית־אָבִיהָ כא
וּסְקָלוּהָ אַנְשֵׁי עִירָהּ בָּאֲבָנִים וָמֵתָה כִּי־עָשְׂתָה נְבָלָה
בְּיִשְׂרָאֵל לִזְנוֹת בֵּית אָבִיהָ וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ׃ ס
כִּי־יִמָּצֵא אִישׁ שֹׁכֵב ׀ עִם־אִשָּׁה בְעֻלַת־בַּעַל וּמֵתוּ גַּם־ כב
שְׁנֵיהֶם הָאִישׁ הַשֹּׁכֵב עִם־הָאִשָּׁה וְהָאִשָּׁה וּבִעַרְתָּ הָרָע
מִיִּשְׂרָאֵל׃ ס כִּי יִהְיֶה נַעֲרָ בְתוּלָה מְאֹרָשָׂה לְאִישׁ כג
וּמְצָאָהּ אִישׁ בָּעִיר וְשָׁכַב עִמָּהּ׃ וְהוֹצֵאתֶם אֶת־שְׁנֵיהֶם כד
אֶל־שַׁעַר ׀ הָעִיר הַהִוא וּסְקַלְתֶּם אֹתָם בָּאֲבָנִים וָמֵתוּ אֶת־
הַנַּעֲרָ עַל־דְּבַר אֲשֶׁר לֹא־צָעֲקָה בָעִיר וְאֶת־הָאִישׁ עַל־
דְּבַר אֲשֶׁר־עִנָּה אֶת־אֵשֶׁת רֵעֵהוּ וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ׃
ס וְאִם־בַּשָּׂדֶה יִמְצָא הָאִישׁ אֶת־הַנַּעֲרָ הַמְאֹרָשָׂה כה
וְהֶחֱזִיק־בָּהּ הָאִישׁ וְשָׁכַב עִמָּהּ וּמֵת הָאִישׁ אֲשֶׁר־שָׁכַב
עִמָּהּ לְבַדּוֹ׃ וְלַנַּעֲרָ לֹא־תַעֲשֶׂה דָבָר אֵין לַנַּעֲרָ חֵטְא מָוֶת כו
כִּי כַּאֲשֶׁר יָקוּם אִישׁ עַל־רֵעֵהוּ וּרְצָחוֹ נֶפֶשׁ כֵּן הַדָּבָר
הַזֶּה׃ כִּי בַשָּׂדֶה מְצָאָהּ צָעֲקָה הַנַּעֲרָ הַמְאֹרָשָׂה וְאֵין כז
מוֹשִׁיעַ לָהּ׃ ס כִּי־יִמְצָא אִישׁ נַעֲרָ בְתוּלָה אֲשֶׁר לֹא־ כח
אֹרָשָׂה וּתְפָשָׂהּ וְשָׁכַב עִמָּהּ וְנִמְצָאוּ׃ וְנָתַן הָאִישׁ הַשֹּׁכֵב כט
עִמָּהּ לַאֲבִי הַנַּעֲרָ חֲמִשִּׁים כָּסֶף וְלוֹ־תִהְיֶה לְאִשָּׁה תַּחַת
אֲשֶׁר עִנָּהּ לֹא־יוּכַל שַׁלְּחָהּ כָּל־יָמָיו׃ ס

כג

לֹא־יִקַּח אִישׁ אֶת־אֵשֶׁת אָבִיו וְלֹא יְגַלֶּה כְּנַף אָבִיו׃ ס א
לֹא־יָבֹא פְצוּעַ־דַּכָּא וּכְרוּת שָׁפְכָה בִּקְהַל יְהוָה׃ ס ב
לֹא־יָבֹא מַמְזֵר בִּקְהַל יְהוָה גַּם דּוֹר עֲשִׂירִי לֹא־יָבֹא לוֹ ג

כב, כ׳ כא׳ כג׳ כד״ כה׳ כו׳ כז׳ כח׳ כט׳ וה ק

[18] און די עלטסטע פון יענער שטאָט זאָלן נעמען דעם מאַן און אים שטראָפן. [19] און זיי זאָלן אים קנסען הונדערט זילבערשטיק, און געבן דעם פאָטער פון דער מיידל; ווייל ער האָט אַרויסגעלאָזן אַ שֵׁם־רַע אויף אַ יונגפרוי פון ישראל. און זי זאָל אים בלייבן פאַר אַ ווייב; ער קען זי ניט אַוועקשיקן אַלע זיינע טעג.

[20] אויב אָבער דידאָזיקע זאַך איז אמת, עס זיינען ניט געפונען געוואָרן קיין בתולים ביי דער מיידל, [21] זאָל מען אַרויספירן די מיידל צום אַיינגאַנג פון איר פאָטערס הויז, און די מענטשן פון איר שטאָט זאָלן זי פאַרוואַרפן מיט שטיינער, און זי זאָל שטאַרבן; ווייל זי האָט געטאָן אַ נבָלה אין ישראל, מזנה צו זיין אין איר פאָטערס הויז. און זאָלסט אויסראַמען דאָס בייז פון צווישן דיר.

[22] אַז אַ מאַן וועט געפונען ווערן ליגנדיק מיט אַ פרוי אַן אֵשֶׁת־איש, זאָלן זיי ביידע שטאַרבן, אי דער מאַן וואָס איז געלעגן מיט דער פרוי, אי די פרוי. און זאָלסט אויסראַמען דאָס בייז פון ישראל.

[23] אַז אַ מיידל אַ יונגפרוי וועט זיין פאַרקנסט צו אַ מאַן, און אַ מאַן וועט זי טרעפן אין שטאָט, און וועט ליגן מיט איר, [24] זאָלט איר זיי ביידן אַרויספירן צום טויער פון יענער שטאָט, און איר זאָלט זיי פאַרוואַרפן מיט שטיינער, און זיי זאָלן שטאַרבן; די מיידל דערפאַר וואָס זי האָט ניט געשריען אין שטאָט, און דער מאַן, דערפאַר וואָס ער האָט געפייניקט זיין חברס ווייב. און זאָלסט אויסראַמען דאָס בייז פון צווישן דיר.

[25] אויב אָבער דער מאַן וועט טרעפן די פאַרקנסטע מיידל אין פעלד, און דער מאַן וועט זי אָנכאַפּן, און וועט ליגן מיט איר, זאָל בלויז שטאַרבן דער מאַן וואָס איז מיט איר געווען; [26] און דער מיידל זאָלסטו קיין זאַך ניט טאָן; ניטאָ אויף דער מיידל קיין טויטזינד; וואָרום אַזוי ווי אַ מאַן שטייט אויף קעגן זיין חבר, און דערהרגעט אים אויף טויט, אַזוי איז דידאָזיקע זאַך. [27] וואָרום אין פעלד האָט ער זי געטראָפן; די פאַרקנסטע מיידל האָט געשריען, און ניט געווען ווער זאָל איר העלפן.

[28] אַז אַ מאַן וועט טרעפן אַ מיידל, אַ יונגפרוי וואָס איז ניט פאַרקנסט, און ער וועט זי אָנכאַפּן, און וועט ליגן מיט איר, און זיי וועלן געפונען ווערן, [29] זאָל דער מאַן וואָס איז געלעגן מיט איר, געבן דעם פאָטער פון דער מיידל פופציק זילבערשטיק, און זי זאָל אים ווערן פאַר אַ ווייב, דערפאַר וואָס ער האָט זי געפייניקט; ער קען זי ניט אַוועקשיקן אַלע זיינע טעג.

# כג

[1] קיינער זאָל ניט נעמען זיין פאָטערס ווייב, און ניט אַנטפּלעקן זיין פאָטערס צודעקא.

[2] אַ צעדריקטער אָדער אַ פאַרשניטענער אין די שאַנדגלידער זאָל ניט קומען אין דער עדה פון גאָט.

[3] אַ ממזר זאָל ניט קומען אין דער עדה פון גאָט; צומאָל דער צענטער דור פון אים זאָל ניט קומען אין דער עדה פון גאָט.

[א] אין טעקסט: כְּנַף, עק קלייד.

4 אַן עַמוני און אַ מואָבי זאָל ניט קומען אין דער עדה פון גאָט; צומאָל דער צענטער דור זאָל ניט קומען פון זיי אין דער עדה פון גאָט, ביז אייביק; 5 דערפאַר וואָס זיי זיינען אײַך ניט אַקעגנגעקומען מיט ברויט און מיט וואַסער אונטערוועגנס, ווען איר זייט אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם, און וואָס ער האָט געדונגען אויף דיר בִּלעָם דעם זון פון בְּעורן פון פּתור אין אֲרַם־נַהֲרַיִם, דיך צו שילטן; 6 נאָר יהוה דיין גאָט האָט ניט געוואָלט צוהערן צו בִּלעָמען, און יהוה דיין גאָט האָט דיר פאַרקערט די קללה אין אַ ברכה; ווייל יהוה דיין גאָט האָט דיך ליב. 7 זאָלסט ניט זוכן זייער פריד און זייער וווילזיין, אַלע דיינע טעג אויף אייביק.

8 זאָלסט ניט פאַראומווערדיקן אַן אֲדומי, וואָרום ער איז דיין ברודער; זאָלסט ניט פאַראומווערדיקן אַ מִצרי, וואָרום דו ביסט געווען אַ פרעמדער אין זיין לאַנד. 9 די קינדער וואָס ווערן געבאָרן פון זיי, דער דריטער דָור, מעגן קומען פון זיי אין דער עדה פון גאָט.

10 אַז דו וועסט אַרויסגיין אין לאַגער אַקעגן דיינע פיינט, זאָלסטו זיין אָפּגעהיט פון איטלעכער שלעכטער זאַך. 11 אַז צווישן דיר וועט זיין אַ מאַן וואָס וועט ניט זיין ריין, דורך אַ נאַכטיקער סיבה, זאָל ער אַרויסגיין אויסן לאַגער; ער טאָר ניט אַריינקומען אין לאַגער. 12 און עס זאָל זיין: אַקעגן אָוונט זאָל ער זיך באָדן אין וואַסער, און ווי די זון גייט אונטער, זאָל ער אַריינקומען אין לאַגער.

13 און אַן אָרט זאָלסטו האָבן אויסן לאַגער, און אַהין זאָלסטו גיין אַרויס. 14 און אַ פלעקל זאָלסטו האָבן ביי דיין וואָפן; און עס וועט זיין, אַז דו זעצסט זיך דרויסן, זאָלסטו דערמיט אויפגראָבן, און זיך אומקערן און פאַרדעקן דיין קויט. 15 וואָרום יהוה דיין גאָט גייט אום אין מיטן פון דיין לאַגער, דיך צו באַשירעמען, און איבערצוגעבן דיינע פיינט צו דיר; דרום זאָל דיין לאַגער זיין הייליק, כּדי ער זאָל ניט זען ביי דיר אַ מיאוסע זאַך, און זיך אָפּקערן פון דיר.

16 זאָלסט ניט איבערענטפערן אַ קנעכט צו זיין האַר, אַז ער וועט זיך ראַטעווען צו דיר פון זיין האַר. 17 ביי דיר זאָל ער זיצן, אין דיין מיט, אין דעם אָרט וואָס ער וועט אויסדערווילן, אין איינעם פון דיינע טויערן, ווו אים איז בעסער; זאָלסט אים ניט קריוודען.

18 עס זאָל ניט זיין אַ שאַנדפרוי פון די טעכטער פון ישׂראל, און עס זאָל ניט זיין אַ שאַנדיונג פון די זין פון ישׂראל.

19 זאָלסט ניט ברענגען דעם לוין פון אַ זונה, און דאָס געצאָלט פון אַ הונט, אין דעם הויז פון יהוה דיין גאָט, פאַר אַ שום נדר, וואָרום אַן אומווערדיקייט ביי יהוה דיין גאָט זיינען זיי ביידע.

20 זאָלסט ניט לייען דיין ברודער אויף צינזן; צינזן פון געלט, צינזן פון עסנוואַרג, צינזן פון יעטוועדער זאַך וואָס טראָגט צינזן. 21 דעם פרעמדן מעגסטו לייען אויף צינזן, אָבער דיין ברודער טאָרסטו ניט לייען אויף צינזן; כּדי יהוה דיין

ד בִּקְהַל יְהוָה׃ ס לֹא־יָבֹא עַמּוֹנִי וּמוֹאָבִי בִּקְהַל
יְהוָה גַּם דּוֹר עֲשִׂירִי לֹא־יָבֹא לָהֶם בִּקְהַל יְהוָה עַד־
ה עוֹלָם׃ עַל־דְּבַר אֲשֶׁר לֹא־קִדְּמוּ אֶתְכֶם בַּלֶּחֶם וּבַמַּיִם
בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם וַאֲשֶׁר שָׂכַר עָלֶיךָ אֶת־בִּלְעָם
ו בֶּן־בְּעוֹר מִפְּתוֹר אֲרַם נַהֲרַיִם לְקַלְלֶךָּ׃ וְלֹא־אָבָה יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹעַ אֶל־בִּלְעָם וַיַּהֲפֹךְ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְּךָ אֶת־
ז הַקְּלָלָה לִבְרָכָה כִּי אֲהֵבְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ לֹא־תִדְרֹשׁ
רב׳ שְׁלֹמָם וְטֹבָתָם כָּל־יָמֶיךָ לְעוֹלָם׃ ס לֹא־תְתַעֵב
אֲדֹמִי כִּי אָחִיךָ הוּא לֹא־תְתַעֵב מִצְרִי כִּי־גֵר הָיִיתָ
ט בְאַרְצוֹ׃ בָּנִים אֲשֶׁר־יִוָּלְדוּ לָהֶם דּוֹר שְׁלִישִׁי יָבֹא לָהֶם
י בִּקְהַל יְהוָה׃ ס כִּי־תֵצֵא מַחֲנֶה עַל־אֹיְבֶיךָ וְנִשְׁמַרְתָּ
יא מִכֹּל דָּבָר רָע׃ כִּי־יִהְיֶה בְךָ אִישׁ אֲשֶׁר לֹא־יִהְיֶה
טָהוֹר מִקְּרֵה־לָיְלָה וְיָצָא אֶל־מִחוּץ לַמַּחֲנֶה לֹא יָבֹא
יב אֶל־תּוֹךְ הַמַּחֲנֶה׃ וְהָיָה לִפְנוֹת־עֶרֶב יִרְחַץ בַּמָּיִם
יג וּכְבֹא הַשֶּׁמֶשׁ יָבֹא אֶל־תּוֹךְ הַמַּחֲנֶה׃ וְיָד תִּהְיֶה לְךָ
יד מִחוּץ לַמַּחֲנֶה וְיָצָאתָ שָׁמָּה חוּץ׃ וְיָתֵד תִּהְיֶה לְךָ עַל־
אֲזֵנֶךָ וְהָיָה בְּשִׁבְתְּךָ חוּץ וְחָפַרְתָּה בָהּ וְשַׁבְתָּ וְכִסִּיתָ
טו אֶת־צֵאָתֶךָ׃ כִּי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מִתְהַלֵּךְ ׀ בְּקֶרֶב מַחֲנֶךָ
לְהַצִּילְךָ וְלָתֵת אֹיְבֶיךָ לְפָנֶיךָ וְהָיָה מַחֲנֶיךָ קָדוֹשׁ וְלֹא־
טז יִרְאֶה בְךָ עֶרְוַת דָּבָר וְשָׁב מֵאַחֲרֶיךָ׃ ס לֹא־
תַסְגִּיר עֶבֶד אֶל־אֲדֹנָיו אֲשֶׁר־יִנָּצֵל אֵלֶיךָ מֵעִם אֲדֹנָיו׃
יז עִמְּךָ יֵשֵׁב בְּקִרְבְּךָ בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר־יִבְחַר בְּאַחַד שְׁעָרֶיךָ
יח בַּטּוֹב לוֹ לֹא תּוֹנֶנּוּ׃ ס לֹא־תִהְיֶה קְדֵשָׁה מִבְּנוֹת
יט יִשְׂרָאֵל וְלֹא־יִהְיֶה קָדֵשׁ מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ לֹא־תָבִיא אֶתְנַן
זוֹנָה וּמְחִיר כֶּלֶב בֵּית יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְכָל־נֶדֶר כִּי תוֹעֲבַת
כ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ גַּם־שְׁנֵיהֶם׃ ס לֹא־תַשִּׁיךְ לְאָחִיךָ
כא נֶשֶׁךְ כֶּסֶף נֶשֶׁךְ אֹכֶל נֶשֶׁךְ כָּל־דָּבָר אֲשֶׁר יִשָּׁךְ׃ לַנָּכְרִי
תַשִּׁיךְ וּלְאָחִיךָ לֹא תַשִּׁיךְ לְמַעַן יְבָרֶכְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכֹל

מְשַׁלֵּחַ יָדֶךָ עַל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־אַתָּה בָא־שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ׃
כב ס כִּי־תִדֹּר נֶדֶר לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ לֹא תְאַחֵר לְשַׁלְּמוֹ כִּי־
כג דָרֹשׁ יִדְרְשֶׁנּוּ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מֵעִמָּךְ וְהָיָה בְךָ חֵטְא׃ וְכִי
כד תֶחְדַּל לִנְדֹּר לֹא־יִהְיֶה בְךָ חֵטְא׃ מוֹצָא שְׂפָתֶיךָ תִּשְׁמֹר
וְעָשִׂיתָ כַּאֲשֶׁר נָדַרְתָּ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ נְדָבָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ
חמ' בְּפִיךָ׃ ס כִּי תָבֹא בְּכֶרֶם רֵעֶךָ וְאָכַלְתָּ עֲנָבִים
כו כְּנַפְשְׁךָ שָׂבְעֶךָ וְאֶל־כֶּלְיְךָ לֹא תִתֵּן׃ ס כִּי תָבֹא
בְּקָמַת רֵעֶךָ וְקָטַפְתָּ מְלִילֹת בְּיָדֶךָ וְחֶרְמֵשׁ לֹא תָנִיף
עַל קָמַת רֵעֶךָ׃ ס

## כד

א כִּי־יִקַּח אִישׁ אִשָּׁה וּבְעָלָהּ וְהָיָה אִם־לֹא תִמְצָא־חֵן
בְּעֵינָיו כִּי־מָצָא בָהּ עֶרְוַת דָּבָר וְכָתַב לָהּ סֵפֶר כְּרִיתֻת
ב וְנָתַן בְּיָדָהּ וְשִׁלְּחָהּ מִבֵּיתוֹ׃ וְיָצְאָה מִבֵּיתוֹ וְהָלְכָה וְהָיְתָה
ג לְאִישׁ־אַחֵר׃ וּשְׂנֵאָהּ הָאִישׁ הָאַחֲרוֹן וְכָתַב לָהּ סֵפֶר כְּרִיתֻת
וְנָתַן בְּיָדָהּ וְשִׁלְּחָהּ מִבֵּיתוֹ אוֹ כִי יָמוּת הָאִישׁ הָאַחֲרוֹן אֲשֶׁר־
ד לְקָחָהּ לוֹ לְאִשָּׁה׃ לֹא־יוּכַל בַּעְלָהּ הָרִאשׁוֹן אֲשֶׁר־שִׁלְּחָהּ
לָשׁוּב לְקַחְתָּהּ לִהְיוֹת לוֹ לְאִשָּׁה אַחֲרֵי אֲשֶׁר הֻטַּמָּאָה
כִּי־תוֹעֵבָה הִוא לִפְנֵי יְהוָה וְלֹא תַחֲטִיא אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר
ששי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ נַחֲלָה׃ ס כִּי־יִקַּח אִישׁ אִשָּׁה
ה חֲדָשָׁה לֹא יֵצֵא בַּצָּבָא וְלֹא־יַעֲבֹר עָלָיו לְכָל־דָּבָר נָקִי
יִהְיֶה לְבֵיתוֹ שָׁנָה אֶחָת וְשִׂמַּח אֶת־אִשְׁתּוֹ אֲשֶׁר־לָקָח׃
ו ז לֹא־יַחֲבֹל רֵחַיִם וָרָכֶב כִּי־נֶפֶשׁ הוּא חֹבֵל׃ ס כִּי־
יִמָּצֵא אִישׁ גֹּנֵב נֶפֶשׁ מֵאֶחָיו מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְהִתְעַמֶּר־בּוֹ
ח וּמְכָרוֹ וּמֵת הַגַּנָּב הַהוּא וּבִעַרְתָּ הָרָע מִקִּרְבֶּךָ׃ ס הִשָּׁמֶר
בְּנֶגַע־הַצָּרַעַת לִשְׁמֹר מְאֹד וְלַעֲשׂוֹת כְּכֹל אֲשֶׁר־יוֹרוּ אֶתְכֶם
ט הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִם תִּשְׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת׃ זָכוֹר אֵת
אֲשֶׁר־עָשָׂה יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לְמִרְיָם בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם
י מִמִּצְרָיִם׃ ס כִּי־תַשֶּׁה בְרֵעֲךָ מַשַּׁאת מְאוּמָה לֹא־תָבֹא

גאָט זאָל דיך בענטשן אין אַלץ צו וואָס דיין האַנט נעמט זיך, אין דעם לאַנד וואָס דו קומסט אַהין, עס צו אַרבן.

22 אַז דו וועסט מנדר זיין אַ נדר צו יהוה דיין גאָט, זאָלסטו זיך ניט שפּעטיקן אים צו באַצאָלן; וואָרום מאָנען וועט אים מאָנען יהוה דיין גאָט פון דיר, און אויף דיר וועט זיין אַ זינד. 23 אויב אָבער דו וועסט זיך פאַרמײַדן פון מנדר זיין, וועט אויף דיר ניט זיין קיין זינד. 24 וואָס גייט אַרויס פון דיין מויל זאָלסטו אָפּהיטן, און זאָלסט טאָן אַזוי ווי דו האָסט פרייוויליק מנדר געווען צו יהוה דיין גאָט—וואָס דו האָסט אַרויסגערעדט מיט דיין מויל.

25 אַז דו קומסט אין דיין חברס וויינגאָרטן, מעגסטו עסן וויינטרויבן צו זאַט וויפיל דו ווילסט, אָבער אין דיין כלי זאָלסטו ניט אַריינטאָן.

26 אַז דו קומסט אין דיין חברס תבואה, מעגסטו אָפּרייסן זאַנגען מיט דיין האַנט, אָבער אַ שניידמעסער טאָרסטו ניט אויפהייבן אויף דיין חברס תבואה.

## כד

1 אַז אַ מאַן וועט נעמען אַ ווייב און זי באַמאַנען, איז, אויב זי וועט געפינען אַן אומחן אין זיינע אויגן, ווייל ער האָט אויסגעפונען אין איר אַ מיאוסע זאַך, און ער וועט איר שרייבן אַ גט, און געבן אין איר האַנט, און וועט זי אַוועקשיקן פון זיין הויז, 2 און זי וועט אַוועק פון זיין הויז, און גיין און ווערן אַן אַנדער מאַנס, 3 און דער לעצטער מאַן וועט זי פיינט קריגן, און וועט איר שרייבן אַ גט, און געבן אין איר האַנט, און וועט זי אַוועקשיקן פון זיין הויז, אָדער דער לעצטער מאַן וואָס האָט זי גענומען פאַר אַ ווייב צו אים, וועט שטאַרבן, 4 טאָר ניט איר ערשטער מאַן, וואָס האָט זי אַוועקגעשיקט, זי צוריקנעמען צו ווערן פאַר אַ ווייב צו אים, נאָכדעם אַז זי איז פאַראומרייניקט געוואָרן; וואָרום אַן אומווערדיקייט איז דאָס פאַר גאָט; און זאָלסט ניט זינדיק מאַכן דאָס לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר פאַר אַ נחלה.

5 אַז אַ מאַן וועט נעמען אַ נייע ווייב, זאָל ער ניט אַרויסגיין אין חיל, און אויף אים זאָל ניט אַרויפגעלייגט ווערן קיין זאַך; פריי זאָל ער זיין פאַר זיין היים איין יאָר, און דערפרייען זיין ווייב וואָס ער האָט גענומען.

6 מע זאָל ניט נעמען אין משכון אַ האַנטמיל אָדער אַן אויבערשטן מילשטיין; וואָרום אַ נפש נעמט מען אין משכון.

7 אַז עמיצער וועט געפונען ווערן גנבענדיק אַ נפש פון זיינע ברידער, פון די קינדער פון ישראל, און ער וועט באַ־לעבאַטעווען איבער אים, און וועט אים פאַרקויפן, זאָל שטאַרבן יענער גנב. און זאָלסט אויסראַמען דאָס בייז פון צווישן דיר.

8 זיי אָפּגעהיט מיט דער פּלאָג פון צרעת, צו היטן זייער און צו טאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס די כּהנים פון שבט לֵוִי וועלן אייך לערנען; אַזוי ווי איך האָב זיי באַפוילן, זאָלט איר היטן צו טאָן. 9 געדענק וואָס יהוה דיין גאָט האָט געטאָן צו מרימען אונטערוועגנס[א], ווען איר זייט אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם.

10 אַז דו וועסט אַנטלייען דיין חבר וואָסער עס איז הלוואה, זאָלסטו ניט אַריינגיין צו אים אין הויז

[א] זע במדבר יב, 10.

יא אֶל־בֵּיתוֹ לַעֲבֹט עֲבֹטוֹ׃ בַּחוּץ תַּעֲמֹד וְהָאִישׁ אֲשֶׁר אַתָּה
יב נֹשֶׁה בוֹ יוֹצִיא אֵלֶיךָ אֶת־הַעֲבוֹט הַחוּצָה׃ וְאִם־אִישׁ עָנִי
יג הוּא לֹא תִשְׁכַּב בַּעֲבֹטוֹ׃ הָשֵׁב תָּשִׁיב לוֹ אֶת־הַעֲבוֹט
כְּבוֹא הַשֶּׁמֶשׁ וְשָׁכַב בְּשַׂלְמָתוֹ וּבֵרֲכֶךָּ וּלְךָ תִּהְיֶה צְדָקָה
שב' לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ ס לֹא־תַעֲשֹׁק שָׂכִיר עָנִי וְאֶבְיוֹן
טו מֵאַחֶיךָ אוֹ מִגֵּרְךָ אֲשֶׁר בְּאַרְצְךָ בִּשְׁעָרֶיךָ׃ בְּיוֹמוֹ תִתֵּן
שְׂכָרוֹ וְלֹא־תָבוֹא עָלָיו הַשֶּׁמֶשׁ כִּי עָנִי הוּא וְאֵלָיו הוּא נֹשֵׂא
אֶת־נַפְשׁוֹ וְלֹא־יִקְרָא עָלֶיךָ אֶל־יְהוָה וְהָיָה בְךָ חֵטְא׃ ס
טז לֹא־יוּמְתוּ אָבוֹת עַל־בָּנִים וּבָנִים לֹא־יוּמְתוּ עַל־אָבוֹת אִישׁ
יז בְּחֶטְאוֹ יוּמָתוּ׃ ס לֹא תַטֶּה מִשְׁפַּט גֵּר יָתוֹם וְלֹא תַחֲבֹל
יח בֶּגֶד אַלְמָנָה׃ וְזָכַרְתָּ כִּי עֶבֶד הָיִיתָ בְּמִצְרַיִם וַיִּפְדְּךָ יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ מִשָּׁם עַל־כֵּן אָנֹכִי מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃
יט ס כִּי תִקְצֹר קְצִירְךָ בְשָׂדֶךָ וְשָׁכַחְתָּ עֹמֶר בַּשָּׂדֶה לֹא
תָשׁוּב לְקַחְתּוֹ לַגֵּר לַיָּתוֹם וְלָאַלְמָנָה יִהְיֶה לְמַעַן יְבָרֶכְךָ
כ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכֹל מַעֲשֵׂה יָדֶיךָ׃ ס כִּי תַחְבֹּט זֵיתְךָ לֹא
כא תְפַאֵר אַחֲרֶיךָ לַגֵּר לַיָּתוֹם וְלָאַלְמָנָה יִהְיֶה׃ כִּי תִבְצֹר
כַּרְמְךָ לֹא תְעוֹלֵל אַחֲרֶיךָ לַגֵּר לַיָּתוֹם וְלָאַלְמָנָה יִהְיֶה׃
כב וְזָכַרְתָּ כִּי־עֶבֶד הָיִיתָ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם עַל־כֵּן אָנֹכִי מְצַוְּךָ
לַעֲשׂוֹת אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ ס

## כה

א כִּי־יִהְיֶה רִיב בֵּין אֲנָשִׁים וְנִגְּשׁוּ אֶל־הַמִּשְׁפָּט וּשְׁפָטוּם
ב וְהִצְדִּיקוּ אֶת־הַצַּדִּיק וְהִרְשִׁיעוּ אֶת־הָרָשָׁע׃ וְהָיָה אִם־
בִּן הַכּוֹת הָרָשָׁע וְהִפִּילוֹ הַשֹּׁפֵט וְהִכָּהוּ לְפָנָיו כְּדֵי רִשְׁעָתוֹ
ג בְּמִסְפָּר׃ אַרְבָּעִים יַכֶּנּוּ לֹא יֹסִיף פֶּן־יֹסִיף לְהַכֹּתוֹ עַל־
ד אֵלֶּה מַכָּה רַבָּה וְנִקְלָה אָחִיךָ לְעֵינֶיךָ׃ לֹא־תַחְסֹם שׁוֹר
ה בְּדִישׁוֹ׃ ס כִּי־יֵשְׁבוּ אַחִים יַחְדָּו וּמֵת אַחַד מֵהֶם וּבֵן
אֵין־לוֹ לֹא־תִהְיֶה אֵשֶׁת־הַמֵּת הַחוּצָה לְאִישׁ זָר יְבָמָהּ יָבֹא
ו עָלֶיהָ וּלְקָחָהּ לוֹ לְאִשָּׁה וְיִבְּמָהּ׃ וְהָיָה הַבְּכוֹר אֲשֶׁר תֵּלֵד

צו נעמען זיין משכון. 11 דרויסן זאָלסטו שטיין, און דער מאַן וואָס דו אַנטלייסט אים, זאָל דיר אַרויסטראָגן דעם משכון דרויסן. 12 און אויב ער איז אַן אָרימאַן, זאָלסטו זיך ניט לייגן מיט זיין משכון. 13 אומקערן זאָלסטו אים אומקערן דעם משכון, ווי די זון גייט אונטער; כדי ער זאָל זיך לייגן אין זיין צודעק, און דיך בענטשן; און פון דיר וועט עס זיין אַ גערעכטיקייט פאַר יהוה דיין גאָט.

14 זאָלסט ניט דריקן אַן אָרימען און נויטבאַדערפטיקן לוינאַרבעטער פון דיינע ברידער, אָדער פון דיין פרעמדן וואָס אין דיין לאַנד, אין דיינע טויערן. 15 אין דעם אייגענעם טאָג זאָלסטו אָפּגעבן זיין לוין, און די זון זאָל ניט אונטערגיין דערויף; וואָרום ער איז אַן אָרימאַן, און ער קוקט אויס דערויף; כדי ער זאָל ניט רופן אויף דיר צו גאָט, און אויף דיר וועט זיין אַ זינד.

16 פאָטערס זאָלן ניט געטייט ווערן פאַר קינדער, און קינדער זאָלן ניט געטייט ווערן פאַר פאָטערס; יעטוועדער פאַר זיין זינד זאָל געטייט ווערן.

17 זאָלסט ניט פאַרדרייען דעם משפט פון אַ פרעמדן, פון אַ יתום; און זאָלסט ניט נעמען אין משכון דעם בגד פון אַן אַלמנה. 18 און זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין מִצרַיִם, און יהוה דיין גאָט האָט דיך אויסגעלייזט פון דאָרטן; דרום באַפעל איך דיר צו טאָן דידאָזיקע זאַך.

19 אַז דו וועסט שניידן דיין שניט אין פעלד, און וועסט פאַרגעסן אַ גאַרב אין פעלד, זאָלסטו זיך ניט אומקערן זי צו נעמען; פאַרן פרעמדן, פאַרן יתום, און פאַר דער אַלמנה, זאָל עס זיין; כדי יהוה דיין גאָט זאָל דיך בענטשן אין יעטוועדער טואונג פון דיינע הענט. 20 אַז דו וועסט אָפּקלאַפּן דיין איילבערטבוים, זאָלסטו ניט נאָכזוכן די צווייגן הינטער דיר; פאַרן פרעמדן, פאַרן יתום, און פאַר דער אַלמנה, זאָל עס זיין. 21 אַז דו וועסט האַרבסטן דיין ווייַנגאָרטן, זאָלסטו ניט נאָכקלייבן הינטער דיר; פאַרן פרעמדן, פאַרן יתום, און פאַר דער אַלמנה, זאָל עס זיין. 22 און זאָלסט געדענקען אַז אַ קנעכט ביסטו געווען אין לאַנד מִצרַיִם; דרום באַפעל איך דיר צו טאָן דידאָזיקע זאַך.

כה 1 אַז צווישן מענטשן וועט זיין אַ קריג, און זיי וועלן גענענען צום משפט, און מע וועט זיי משפטן, און גערעכט מאַכן דעם גערעכטן, און שולדיק מאַכן דעם שולדיקן, 2 איז, אויב דעם שולדיקן קומט שלאָגן, זאָל דער ריכטער אים לאָזן אַנידערלייגן און שלאָגן פאַר זיין געזיכט, וועדליק זיין שולד, מיט אַ צאָל. 3 פערציק שלעג זאָל מען אים געבן, ניט מער; טאָמער שלאָגט מען אים מער ווי דאָס, צו פיל שלעג, וועט דיין ברודער געשענדט ווערן פאַר דיינע אויגן.

4 זאָלסט ניט פאַרבינדן אַן אָקס דאָס מויל ווען ער דרעשט.

5 אַז ברידער וועלן וווינען אין איינעם, און איינער פון זיי וועט שטאַרבן, און קיין קינד האָט ער ניט, זאָל דעם געשטאָרבענעמס ווייב ניט ווערן אַ פרעמדן מאַנס פון דרויסן; איר שוואָגער זאָל קומען צו איר, און זי נעמען פאַר אַ ווייב צו אים, און זי באַשווּעגערן. 6 און עס זאָל זיין: דער ערשטלינג וואָס זי וועט געבערן,

ז יָקוּם עַל־שֵׁם אָחִיו הַמֵּת וְלֹא־יִמָּחֶה שְׁמוֹ מִיִּשְׂרָאֵל׃ וְאִם־
לֹא יַחְפֹּץ הָאִישׁ לָקַחַת אֶת־יְבִמְתּוֹ וְעָלְתָה יְבִמְתּוֹ הַשַּׁעְרָה
אֶל־הַזְּקֵנִים וְאָמְרָה מֵאֵן יְבָמִי לְהָקִים לְאָחִיו שֵׁם בְּיִשְׂרָאֵל
ח לֹא אָבָה יַבְּמִי׃ וְקָרְאוּ־לוֹ זִקְנֵי־עִירוֹ וְדִבְּרוּ אֵלָיו וְעָמַד
ט וְאָמַר לֹא חָפַצְתִּי לְקַחְתָּהּ׃ וְנִגְּשָׁה יְבִמְתּוֹ אֵלָיו לְעֵינֵי
הַזְּקֵנִים וְחָלְצָה נַעֲלוֹ מֵעַל רַגְלוֹ וְיָרְקָה בְּפָנָיו וְעָנְתָה
וְאָמְרָה כָּכָה יֵעָשֶׂה לָאִישׁ אֲשֶׁר לֹא־יִבְנֶה אֶת־בֵּית אָחִיו׃
יא וְנִקְרָא שְׁמוֹ בְּיִשְׂרָאֵל בֵּית חֲלוּץ הַנָּעַל׃ ס כִּי־יִנָּצוּ
אֲנָשִׁים יַחְדָּו אִישׁ וְאָחִיו וְקָרְבָה אֵשֶׁת הָאֶחָד לְהַצִּיל אֶת־
יב אִישָׁהּ מִיַּד מַכֵּהוּ וְשָׁלְחָה יָדָהּ וְהֶחֱזִיקָה בִּמְבֻשָׁיו׃ וְקַצֹּתָה
יג אֶת־כַּפָּהּ לֹא תָחוֹס עֵינֶךָ׃ ס לֹא־יִהְיֶה לְךָ בְּכִיסְךָ אֶבֶן
יד וָאָבֶן גְּדוֹלָה וּקְטַנָּה׃ לֹא־יִהְיֶה לְךָ בְּבֵיתְךָ אֵיפָה וְאֵיפָה
טו גְּדוֹלָה וּקְטַנָּה׃ אֶבֶן שְׁלֵמָה וָצֶדֶק יִהְיֶה־לָּךְ אֵיפָה שְׁלֵמָה
וָצֶדֶק יִהְיֶה־לָּךְ לְמַעַן יַאֲרִיכוּ יָמֶיךָ עַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־
טז יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ׃ כִּי תוֹעֲבַת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ כָּל־עֹשֵׂה
אֵלֶּה כֹּל עֹשֵׂה עָוֶל׃ פ
מפ' זָכוֹר אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה לְךָ עֲמָלֵק בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם׃
יח אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ וַיְזַנֵּב בְּךָ כָּל־הַנֶּחֱשָׁלִים אַחֲרֶיךָ וְאַתָּה
יט עָיֵף וְיָגֵעַ וְלֹא יָרֵא אֱלֹהִים׃ וְהָיָה בְּהָנִיחַ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ ׀
לְךָ מִכָּל־אֹיְבֶיךָ מִסָּבִיב בָּאָרֶץ אֲשֶׁר יְהוָה־אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן
לְךָ נַחֲלָה לְרִשְׁתָּהּ תִּמְחֶה אֶת־זֵכֶר עֲמָלֵק מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם
לֹא תִּשְׁכָּח׃ פ

זאָל זיין אויפן נאָמען פון זיין געשטאָרבענעם ברודער, כדי זיין נאָמען זאָל ניט אויסגעמעקט ווערן פון ישראל. [7] און אויב דער מאַן וועט ניט וועלן נעמען זיין שוועגערין, זאָל זיין שוועגערין אַרויפגיין אין טויער צו די עלטסטע, און זאָגן: מיין שוואָגער וויל ניט אויפשטעלן זיין ברודער אַ נאָמען אין ישראל; ער וויל מיך ניט באַשוועגערן. [8] און די עלטסטע פון זיין שטאָט זאָלן אים רופן, און רעדן צו אים. און אַז ער וועט זיך שטעלן און זאָגן: איך וויל זי ניט נעמען, [9] זאָל זיין שוועגערין גענענען צו אים פאַר די אויגן פון די עלטסטע, און אַראָפּציען זיין שוך פון זיין פוס, און אַ שפּיי טאָן אין זיין פּנים, און אויסרופן און זאָגן: אַזוי זאָל געטאָן ווערן צו דעם מאַן וואָס וויל ניט בויען זיין ברודערס הויז. [10] און זיין נאָמען זאָל גערופן ווערן אין ישראל: דאָס הויז פון דעם וואָס מיטן אַראָפּגעצויגענעם שוך.

[11] אַז צוויי מענער וועלן זיך ראַנגלען צווישן זיך, איינער מיטן אַנדערן, און איינעמס ווייב וועט גענענען אַרויסצוראַטעווען איר מאַן פון זיין שלעגערס האַנט, און זי וועט אויסשטרעקן איר האַנט, און אים אָננעמען פאַר די ענגע ערטער, [12] זאָלסטו אָפּהאַקן איר האַנט; דיין אויג זאָל זיך ניט דערבאַרימען.

[13] זאָלסט ניט האָבן אין דיין בייטל צווייערליי וואָגשטיינער, אַ גרעסערן און אַ קלענערן. [14] זאָלסט ניט האָבן אין דיין הויז צווייערליי איפֿהס, אַ גרעסערע און אַ קלענערע. [15] אַ פול און ריכטיק געוויכט זאָל זיין ביי דיר; אַ פולע און ריכטיקע איפה זאָל זיין ביי דיר; כדי דיינע טעג זאָלן זיך לענגערן אויף דער ערד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר. [16] וואָרום אַן אומווערדיקייט ביי יהוה דיין גאָט איז איטלעכער וואָס טוט דאָס—איטלעכער וואָס טוט אַן עוולה.

[17] געדענק וואָס עמלק האָט דיר געטאָן אונטערוועגנס, ווען איר זייט אַרויסגעגאַנגען פון מצרים; [18] ווי ער האָט דיך געטראָפן אונטערוועגנס, און האָט געשלאָגן דיינע הינטערשטע, אַלע אָפּגעשלאַפטע הינטער דיר, בעת דו ביסט געווען פאַרשמאַכט און מיד; און ער האָט ניט מורא געהאַט פאַר גאָט. [19] דרום זאָל זיין, אַז יהוה דיין גאָט באַרוט דיך פון אַלע דיינע פיינט פון רונד אַרום, אין דעם לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר פאַר אַ נחלה, עס צו אַרבן, זאָלסטו אויסמעקן דעם זכר פון עמלק פון אונטערן הימל; זאָלסט ניט פאַרגעסן.

# כי תבוא

כו

א וְהָיָה כִּי־תָבוֹא אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לְךָ
ב נַחֲלָה וִירִשְׁתָּהּ וְיָשַׁבְתָּ בָּהּ׃ וְלָקַחְתָּ מֵרֵאשִׁית ׀ כָּל־פְּרִי
הָאֲדָמָה אֲשֶׁר תָּבִיא מֵאַרְצְךָ אֲשֶׁר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ
וְשַׂמְתָּ בַטֶּנֶא וְהָלַכְתָּ אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחַר יְהוָה אֱלֹהֶיךָ

כו [1] און עס וועט זיין, אַז דו וועסט קומען אין דעם לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר פאַר אַ נחלה, און וועסט עס אַרבן, און זיך באַזעצן דרינען, [2] זאָלסטו נעמען פונעם ערשטן פון יעטוועדער פרוכט פון דער ערד, וואָס דו וועסט אַריינגעמען פון דיין לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר, און זאָלסט אַריינטאָן אין אַ קאָרב, און גיין צו דעם אָרט וואָס יהוה דיין גאָט וועט אויסדערוויילן

צו מאַכן רוען זיין נאָמען דאָרטן. 3 און זאָלסט קומען צו דעם כּהן וואָס וועט זיין אין יענע טעג, און זאָגן צו אים: איך זאָג היינט פאַר יהוה דיין גאָט, אַז איך בין געקומען אין דעם לאַנד וואָס גאָט האָט געשוואָרן אונדזערע עלטערן אונדז צו געבן. 4 און דער כּהן זאָל נעמען דעם קאָרב פון דיין האַנט, און אים אַוועקשטעלן פאַר דעם מזבח פון יהוה דיין גאָט. 5 און זאָלסט אויסרופן און זאָגן פאַר יהוה דיין גאָט: אַ בלודנער אַרמי איז געווען מיין פאָטער, און ער האָט גענידערט קיין מִצרַיִם, און האָט זיך דאָרטן אויפגעהאַלטן מיט אַ הייפל מענטשן, און ער איז דאָרטן געוואָרן אַ פאָלק, גרויס, מאַכטיק, און פיל. 6 און די מִצרים האָבן אונדז שלעכטס געטאָן, און האָבן אונדז געפייניקט, און אַרויפגעלייגט אויף אונדז שווערע אַרבעט. 7 און מיר האָבן געשריען צו יהוה דעם גאָט פון אונדזערע עלטערן, און גאָט האָט צוגעהערט אונדזער קָול, און געזען אונדזער פיין, און אונדזער מאַטערניש, און אונדזער געדריקטקייט. 8 און גאָט האָט אונדז אַרויסגעצויגן פון מִצרַיִם מיט אַ שטאַרקער האַנט, און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, און מיט גרויס פאָרכטיקייט, און מיט צייכנס און מיט וווּנדער. 9 און ער האָט אונדז געבראַכט צו דעמדאָזיקן אָרט, און אונדז געגעבן דאָסדאָזיקע לאַנד, אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. 10 און אַצונד זע, איך האָב געבראַכט דאָס ערשטע פון דער פרוכט פון דער ערד וואָס דו, גאָט, האָסט מיר געגעבן. און זאָלסט עס אַוועקלייגן פאַר יהוה דיין גאָט, און זיך בוקן פאַר יהוה דיין גאָט. 11 און זאָלסט זיך פרייען מיט אַלעם גוטן וואָס יהוה דיין גאָט האָט געגעבן דיר און דיין הויזגעזינט—דו, און דער לֵוִי, און דער פרעמדער וואָס צווישן דיר.

12 אַז דו וועסט ענדיקן מעשׂרן דעם גאַנצן מעשׂר פון דיין תּבואה אין דעם דריטן יאָר, דעם יאָר פון מעשׂר, זאָלסטו עס געבן דעם לֵוִי, דעם פרעמדן, דעם יתום, און דער אַלמנה, כּדי זיי זאָלן עסן אין דיינע טויערן, און זאַט זיין. 13 און זאָלסט זאָגן פאַר יהוה דיין גאָט: איך האָב אַרויסגעראַמט דאָס הייליקע פון הויז, און האָב עס אויך אַוועקגעגעבן דעם לֵוִי, און דעם פרעמדן, דעם יתום, און דער אַלמנה, אַזוי ווי אַל דיין געבאָט וואָס דו האָסט מיר געבאָטן; איך בין ניט אַוועקגעגאַנגען פון דיינע געבאָט, און האָב ניט פאַרגעסן. 14 איך האָב ניט געגעסן אין מיין אֲבֵלות דערפון, און איך האָב ניט אַרויסגעטראָגן דערפון אומריינערהייט, און ניט געגעבן דערפון פאַר אַ טויטן; איך האָב צוגעהערט צו דעם קָול פון יהוה מיין גאָט; איך האָב געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס דו האָסט מיר באַפוילן. 15 לוג פון דיין הייליקער וווינונג, פון הימל, און בענטש דיין פאָלק ישׂראל, און די ערד וואָס דו האָסט אונדז געגעבן, אַזוי ווי דו האָסט געשוואָרן אונדזערע עלטערן—אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק.

16 היינטיקן טאָג באַפעלט דיר יהוה דיין גאָט צו טאָן דידאָזיקע חוקים און די געזעצן; און זאָלסט זיי

ג לְשַׁכֵּן שְׁמוֹ שָׁם׃ וּבָאתָ אֶל־הַכֹּהֵן אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם
וְאָמַרְתָּ אֵלָיו הִגַּדְתִּי הַיּוֹם לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ כִּי־בָאתִי אֶל־
ד הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבֹתֵינוּ לָתֶת לָנוּ׃ וְלָקַח
הַכֹּהֵן הַטֶּנֶא מִיָּדֶךָ וְהִנִּיחוֹ לִפְנֵי מִזְבַּח יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃
ה וְעָנִיתָ וְאָמַרְתָּ לִפְנֵי ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֲרַמִּי אֹבֵד אָבִי וַיֵּרֶד
מִצְרַיְמָה וַיָּגָר שָׁם בִּמְתֵי מְעָט וַיְהִי־שָׁם לְגוֹי גָּדוֹל עָצוּם
ו וָרָב׃ וַיָּרֵעוּ אֹתָנוּ הַמִּצְרִים וַיְעַנּוּנוּ וַיִּתְּנוּ עָלֵינוּ עֲבֹדָה
ז קָשָׁה׃ וַנִּצְעַק אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵי אֲבֹתֵינוּ וַיִּשְׁמַע יְהוָה אֶת־
ח קֹלֵנוּ וַיַּרְא אֶת־עָנְיֵנוּ וְאֶת־עֲמָלֵנוּ וְאֶת־לַחֲצֵנוּ׃ וַיּוֹצִאֵנוּ
יְהוָה מִמִּצְרַיִם בְּיָד חֲזָקָה וּבִזְרֹעַ נְטוּיָה וּבְמֹרָא גָּדֹל
ט וּבְאֹתוֹת וּבְמֹפְתִים׃ וַיְבִאֵנוּ אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה וַיִּתֶּן־לָנוּ
י אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ׃ וְעַתָּה הִנֵּה
הֵבֵאתִי אֶת־רֵאשִׁית פְּרִי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־נָתַתָּה לִּי יְהוָה
וְהִנַּחְתּוֹ לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְהִשְׁתַּחֲוִיתָ לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃
יא וְשָׂמַחְתָּ בְכָל־הַטּוֹב אֲשֶׁר נָתַן־לְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וּלְבֵיתֶךָ
שני אַתָּה וְהַלֵּוִי וְהַגֵּר אֲשֶׁר בְּקִרְבֶּךָ׃ ס כִּי תְכַלֶּה לַעְשֵׂר
אֶת־כָּל־מַעְשַׂר תְּבוּאָתְךָ בַּשָּׁנָה הַשְּׁלִישִׁת שְׁנַת הַמַּעֲשֵׂר
וְנָתַתָּה לַלֵּוִי לַגֵּר לַיָּתוֹם וְלָאַלְמָנָה וְאָכְלוּ בִשְׁעָרֶיךָ
יג וְשָׂבֵעוּ׃ וְאָמַרְתָּ לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בִּעַרְתִּי הַקֹּדֶשׁ מִן־
הַבַּיִת וְגַם נְתַתִּיו לַלֵּוִי וְלַגֵּר לַיָּתוֹם וְלָאַלְמָנָה כְּכָל־
מִצְוָתְךָ אֲשֶׁר צִוִּיתָנִי לֹא־עָבַרְתִּי מִמִּצְוֺתֶיךָ וְלֹא שָׁכָחְתִּי׃
יד לֹא־אָכַלְתִּי בְאֹנִי מִמֶּנּוּ וְלֹא־בִעַרְתִּי מִמֶּנּוּ בְּטָמֵא וְלֹא־
נָתַתִּי מִמֶּנּוּ לְמֵת שָׁמַעְתִּי בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהָי עָשִׂיתִי כְּכֹל
טו אֲשֶׁר צִוִּיתָנִי׃ הַשְׁקִיפָה מִמְּעוֹן קָדְשְׁךָ מִן־הַשָּׁמַיִם וּבָרֵךְ
אֶת־עַמְּךָ אֶת־יִשְׂרָאֵל וְאֵת הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתָּה לָנוּ כַּאֲשֶׁר
של' נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲבֹתֵינוּ אֶרֶץ זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ׃ ס הַיּוֹם הַזֶּה
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מְצַוְּךָ לַעֲשׂוֹת אֶת־הַחֻקִּים הָאֵלֶּה וְאֶת־

יד׳ קמץ בז״ק

הַמִּשְׁפָּטִים וְשָׁמַרְתָּ וְעָשִׂיתָ אוֹתָם בְּכָל־לְבָבְךָ וּבְכָל־
נַפְשֶׁךָ׃ אֶת־יְהוָה הֶאֱמַרְתָּ הַיּוֹם לִהְיוֹת לְךָ לֵאלֹהִים יז
וְלָלֶכֶת בִּדְרָכָיו וְלִשְׁמֹר חֻקָּיו וּמִצְוֺתָיו וּמִשְׁפָּטָיו וְלִשְׁמֹעַ
בְּקֹלוֹ׃ וַיהוָה הֶאֱמִירְךָ הַיּוֹם לִהְיוֹת לוֹ לְעַם סְגֻלָּה כַּאֲשֶׁר יח
דִּבֶּר־לָךְ וְלִשְׁמֹר כָּל־מִצְוֺתָיו׃ וּלְתִתְּךָ עֶלְיוֹן עַל כָּל־הַגּוֹיִם יט
אֲשֶׁר עָשָׂה לִתְהִלָּה וּלְשֵׁם וּלְתִפְאָרֶת וְלִהְיֹתְךָ עַם־קָדֹשׁ
לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר׃

## כז

וַיְצַו מֹשֶׁה וְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־הָעָם לֵאמֹר שָׁמֹר אֶת־כָּל־ רב'
הַמִּצְוָה אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם׃ וְהָיָה בַּיּוֹם אֲשֶׁר ב
תַּעַבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ
וַהֲקֵמֹתָ לְךָ אֲבָנִים גְּדֹלוֹת וְשַׂדְתָּ אֹתָם בַּשִּׂיד׃ וְכָתַבְתָּ ג
עֲלֵיהֶן אֶת־כָּל־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת בְּעָבְרֶךָ לְמַעַן אֲשֶׁר
תָּבֹא אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ ׀ נֹתֵן לְךָ אֶרֶץ זָבַת
חָלָב וּדְבַשׁ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֵי־אֲבֹתֶיךָ לָךְ׃ וְהָיָה ד
בְּעָבְרְכֶם אֶת־הַיַּרְדֵּן תָּקִימוּ אֶת־הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר
אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם בְּהַר עֵיבָל וְשַׂדְתָּ אוֹתָם בַּשִּׂיד׃
וּבָנִיתָ שָּׁם מִזְבֵּחַ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ מִזְבַּח אֲבָנִים לֹא־תָנִיף ה
עֲלֵיהֶם בַּרְזֶל׃ אֲבָנִים שְׁלֵמוֹת תִּבְנֶה אֶת־מִזְבַּח יְהוָה ו
אֱלֹהֶיךָ וְהַעֲלִיתָ עָלָיו עוֹלֹת לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ וְזָבַחְתָּ שְׁלָמִים ז
וְאָכַלְתָּ שָּׁם וְשָׂמַחְתָּ לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ וְכָתַבְתָּ עַל־ ח
הָאֲבָנִים אֶת־כָּל־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת בַּאֵר הֵיטֵב׃ ס
וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה וְהַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר ט
הַסְכֵּת וּשְׁמַע יִשְׂרָאֵל הַיּוֹם הַזֶּה נִהְיֵיתָ לְעָם לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ׃
וְשָׁמַעְתָּ בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְעָשִׂיתָ אֶת־מִצְוֺתוֹ וְאֶת־חֻקָּיו י
אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם׃ ס וַיְצַו מֹשֶׁה אֶת־הָעָם בַּיּוֹם חמ'
הַהוּא לֵאמֹר׃ אֵלֶּה יַעַמְדוּ לְבָרֵךְ אֶת־הָעָם עַל־הַר גְּרִזִים יב

כז, ח׳ ב׳ פתוחה   ט׳ קמץ בז״ק   י׳ מצותיו קרי

אָפּהיטן און טאָן מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער זעל. 17 דו האָסט היינט אויסדערוויילט יהוה אים צו האָבן פאַר דיין גאָט, און צו גיין אין זיינע וועגן, און צו היטן זיינע חוקים און זיינע געבאָט און זיינע געזעצן, און צוצוהערן צו זיין קָול. 18 און גאָט האָט דיך היינט אויס־דערוויילט אים צו זיין פאַר אַן אייגן פאָלק, אַזוי ווי ער האָט דיר צוגעזאָגט, און צו היטן אַלע זיינע געבאָט; 19 און דיך צו שטעלן העכער איבער אַלע פעלקער וואָס ער האָט געמאַכט, פאַר אַ לויב, און פאַר אַ נאָמען, און פאַר אַ שיינקייט, און כּדי זאָלסט זיין אַ הייליק פאָלק צו יהוה דיין גאָט, אַזוי ווי ער האָט גערעדט.

## כז

1 און משה און די עלטסטע פון ישראל האָבן באַפוילן דעם פאָלק, אַזוי צו זאָגן: היט אַלע געבאָט וואָס איך געביט אייך היינט. 2 און עס וועט זיין, אין דעם טאָג וואָס איר וועט אַריבערגיין דעם יַרדן צו דעם לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר, זאָלסטו דיר אויפשטעלן גרויסע שטיינער, און זיי באַקאַלכן מיט קאַלך. 3 און זאָלסט אויפשרייבן אויף זיי אַלע ווערטער פון דער־דאָזיקער תּורה, אַז דו וועסט אַריבערגיין; כּדי זאָלסט קומען אין דעם לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט גיט דיר, אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, אַזוי ווי יהוה דער גאָט פון דיינע עלטערן האָט דיר צוגעזאָגט. 4 און עס וועט זיין, ווי איר גייט אַריבער דעם יַרדן, זאָלט איר אויפ־שטעלן די דאָזיקע שטיינער וואָס איך באַפעל אייך היינט, אויף דעם באַרג עֵיבָל, און זאָלסט זיי באַקאַלכן מיט קאַלך. 5 און זאָלסט דאָרטן בויען אַ מזבח צו יהוה דיין גאָט, אַ מזבח פון שטיינער; זאָלסט ניט אויפהייבן אויף זיי אַן אייזן. 6 פון גאַנצע שטיינער זאָלסטו בויען דעם מזבח פון יהוה דיין גאָט; און זאָלסט אויפברענגען אויף אים בראַנדאָפּפער צו גאָט דיין האַר. 7 און זאָלסט שלאַכטן פרידאָפּפער און עסן דאָרטן, און זיך פרייען פאַר יהוה דיין גאָט. 8 און זאָלסט אויפשרייבן אויף די שטיינער אַלע ווערטער פון דערדאָזיקער תּורה זייער קלאָר.

9 און משה און די כּהנים פון שבט לֵוִי האָבן גערעדט צו גאַנץ ישראל, אַזוי צו זאָגן: זיי שטיל און הער, ישראל: היינטיקן טאָג ביסטו געוואָרן פאַר אַ פאָלק צו יהוה דיין גאָט. 10 דרום זאָלסטו צוהערן צו דעם קָול פון יהוה דיין גאָט, און טאָן זיינע געבאָט און זיינע געזעצן וואָס איך געביט דיר היינט.

11 און משה האָט באַפוילן דעם פאָלק אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן: 12 די דאָזיקע זאָלן שטיין אויפן באַרג גרִזים צו

בענטשן דאָס פאָלק, ווען איר גייט אַריבער דעם יַרדן:
שמעון, און לֵוִי, און יהודה, און יִששָׂכָר, און יוסף, און
בנימין. 13 און דידאָזיקע זאָלן שטיין אויפן באַרג עֵיבָל
פאַר דער קללה: ראובן, גָד, און אָשר, און זבולון, דָן,
און נפתלי. 14 און די לֵוִיִים זאָלן אויסרופן און זאָגן צו
אַלע מענער פון ישׂראל אויף אַ הויכן קָול:
15 פאַרשאָלטן דער מאַן, וואָס וועט מאַכן אַ געשניצט
אָדער געגאָסן בילד, אַן אומווערדיקייט צו גאָט, דאָס
ווערק פון אַ מייַנסטערס הענט, און אויפשטעלן אין
פאַרבאָרגעניש!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זיך אָפּרופן און זאָגן:
אָמן!
16 פאַרשאָלטן דער וואָס איז מבזה זיין פאָטער
אָדער זיין מוטער!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!
17 פאַרשאָלטן דער וואָס פאַררוקט דעם גרענעץ
פון זיין חבר!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!
18 פאַרשאָלטן דער וואָס פאַרפירט אַ בלינדן אין
וועג!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!
19 פאַרשאָלטן דער וואָס פאַרדרייט דעם משפט פון
אַ פרעמדן, אַ יתום, און אַן אַלמנה!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!
20 פאַרשאָלטן דער וואָס ליגט מיט זיין פאָטערס
ווייב, וואָרום ער האָט אַנטפּלעקט זיין פאָטערס צודעק!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!
21 פאַרשאָלטן דער וואָס ליגט מיט וואָסער עס איז
בהמה!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!
22 פאַרשאָלטן דער וואָס ליגט מיט זיין שוועסטער,
זיין פאָטערס טאָכטער, אָדער זיין מוטערס טאָכטער!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!
23 פאַרשאָלטן דער וואָס ליגט מיט זיין שוויגער!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!
24 פאַרשאָלטן דער וואָס שלאָגט זיין חבר אין פאַרבאָרגעניש!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!
25 פאַרשאָלטן דער וואָס נעמט שוחד צו דערשלאָגן אַ נפש, אומשולדיק בלוט!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!
26 פאַרשאָלטן דער וואָס וועט ניט מקיים זיין די ווערטער פון דערדאָזיקער תורה, זיי צו טאָן!
און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל זאָגן: אָמן!

בְּעָבְרְכֶם אֶת־הַיַּרְדֵּן שִׁמְעוֹן וְלֵוִי וִיהוּדָה וְיִשָּׂשכָר וְיוֹסֵף
יג וּבִנְיָמִן׃ וְאֵלֶּה יַעַמְדוּ עַל־הַקְּלָלָה בְּהַר עֵיבָל רְאוּבֵן גָּד
יד וְאָשֵׁר וּזְבוּלֻן דָּן וְנַפְתָּלִי׃ וְעָנוּ הַלְוִיִּם וְאָמְרוּ אֶל־כָּל־אִישׁ
טו יִשְׂרָאֵל קוֹל רָם׃ ס אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה פֶסֶל
וּמַסֵּכָה תּוֹעֲבַת יְהוָה מַעֲשֵׂה יְדֵי חָרָשׁ וְשָׂם בַּסָּתֶר וְעָנוּ
טז כָל־הָעָם וְאָמְרוּ אָמֵן׃ ס אָרוּר מַקְלֶה אָבִיו וְאִמּוֹ
יז וְאָמַר כָּל־הָעָם אָמֵן׃ ס אָרוּר מַסִּיג גְּבוּל רֵעֵהוּ וְאָמַר
יח כָּל־הָעָם אָמֵן׃ ס אָרוּר מַשְׁגֶּה עִוֵּר בַּדָּרֶךְ וְאָמַר
יט כָּל־הָעָם אָמֵן׃ ס אָרוּר מַטֶּה מִשְׁפַּט גֵּר־יָתוֹם
כ וְאַלְמָנָה וְאָמַר כָּל־הָעָם אָמֵן׃ אָרוּר שֹׁכֵב עִם־אֵשֶׁת אָבִיו
כא כִּי גִלָּה כְּנַף אָבִיו וְאָמַר כָּל־הָעָם אָמֵן׃ ס אָרוּר שֹׁכֵב
כב עִם־כָּל־בְּהֵמָה וְאָמַר כָּל־הָעָם אָמֵן׃ ס אָרוּר שֹׁכֵב
עִם־אֲחֹתוֹ בַּת־אָבִיו אוֹ בַת־אִמּוֹ וְאָמַר כָּל־הָעָם אָמֵן׃ ס
כג כד אָרוּר שֹׁכֵב עִם־חֹתַנְתּוֹ וְאָמַר כָּל־הָעָם אָמֵן׃ ס אָרוּר
כה מַכֵּה רֵעֵהוּ בַּסָּתֶר וְאָמַר כָּל־הָעָם אָמֵן׃ ס אָרוּר
לֹקֵחַ שֹׁחַד לְהַכּוֹת נֶפֶשׁ דַּם נָקִי וְאָמַר כָּל־הָעָם אָמֵן׃ ס
כו אָרוּר אֲשֶׁר לֹא־יָקִים אֶת־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה־הַזֹּאת לַעֲשׂוֹת
אוֹתָם וְאָמַר כָּל־הָעָם אָמֵן׃ פ

כח

א וְהָיָה אִם־שָׁמוֹעַ תִּשְׁמַע בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹר
לַעֲשׂוֹת אֶת־כָּל־מִצְוֹתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם וּנְתָנְךָ
ב יְהוָה אֱלֹהֶיךָ עֶלְיוֹן עַל כָּל־גּוֹיֵי הָאָרֶץ׃ וּבָאוּ עָלֶיךָ כָל־
הַבְּרָכוֹת הָאֵלֶּה וְהִשִּׂיגֻךָ כִּי תִשְׁמַע בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃
ג ד בָּרוּךְ אַתָּה בָּעִיר וּבָרוּךְ אַתָּה בַּשָּׂדֶה׃ בָּרוּךְ פְּרִי־בִטְנְךָ
וּפְרִי אַדְמָתְךָ וּפְרִי בְהֶמְתֶּךָ שְׁגַר אֲלָפֶיךָ וְעַשְׁתְּרוֹת צֹאנֶךָ׃
ה ו בָּרוּךְ טַנְאֲךָ וּמִשְׁאַרְתֶּךָ׃ בָּרוּךְ אַתָּה בְּבֹאֶךָ וּבָרוּךְ אַתָּה
ששי בְּצֵאתֶךָ׃ יִתֵּן יְהוָה אֶת־אֹיְבֶיךָ הַקָּמִים עָלֶיךָ נִגָּפִים
לְפָנֶיךָ בְּדֶרֶךְ אֶחָד יֵצְאוּ אֵלֶיךָ וּבְשִׁבְעָה דְרָכִים יָנוּסוּ

## כח

1 און עס וועט זיין, אויב צוהערן וועסטו צוהערן צו דעם קָול פון יהוה דיין גאָט, צו היטן צו טאָן אַלע זיינע געבאָט וואָס איך געביט דיר היינט, וועט יהוה דיין גאָט דיך שטעלן העכער איבער אַלע פעלקער פון דער ערד.
2 און אַלע דידאָזיקע ברכות וועלן קומען אויף דיר, און דיך דערגרייכן, אַז דו וועסט צוהערן צו דעם קָול פון יהוה דיין גאָט.
3 געבענטשט וועסטו זיין אין שטאָט, און געבענטשט וועסטו זיין אין פעלד.
4 געבענטשט די פרוכט פון דיין לייב, און די פרוכט פון דיין ערד, און די פרוכט פון דיין בהמה, די געבורט פון דיינע רינדער, און די פרוכפּערונג פון דיינע שאָף.
5 געבענטשט דיין קאָרב, און דיין טייגמולטער.
6 געבענטשט וועסטו זיין ביי דיין אַריינגיין, און געבענטשט וועסטו זיין ביי דיין אַרויסגיין.
7 גאָט וועט געבן דיינע פיינט וואָס שטייען אויף אַקעגן דיר, געשלאָגענע פאַר דיר; אויף איין וועג וועלן זיי אַרויסגיין אַקעגן דיר, און אויף זיבן וועגן וועלן זיי אַנטלויפן פאַר דיר.

ח לְפָנֶיךָ׃ יְצַו יְהוָה אִתְּךָ אֶת־הַבְּרָכָה בַּאֲסָמֶיךָ וּבְכֹל מִשְׁלַח
ט יָדֶךָ וּבֵרַכְךָ בָּאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ נֹתֵן לָךְ׃ יְקִימְךָ
יְהוָה לוֹ לְעַם קָדוֹשׁ כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע־לָךְ כִּי תִשְׁמֹר אֶת־
י מִצְוֺת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְהָלַכְתָּ בִּדְרָכָיו׃ וְרָאוּ כָּל־עַמֵּי הָאָרֶץ
יא כִּי שֵׁם יְהוָה נִקְרָא עָלֶיךָ וְיָרְאוּ מִמֶּךָּ׃ וְהוֹתִרְךָ יְהוָה
לְטוֹבָה בִּפְרִי בִטְנְךָ וּבִפְרִי בְהֶמְתְּךָ וּבִפְרִי אַדְמָתֶךָ עַל
יב הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבֹתֶיךָ לָתֶת לָךְ׃ יִפְתַּח
יְהוָה ׀ לְךָ אֶת־אוֹצָרוֹ הַטּוֹב אֶת־הַשָּׁמַיִם לָתֵת מְטַר־אַרְצְךָ
בְּעִתּוֹ וּלְבָרֵךְ אֵת כָּל־מַעֲשֵׂה יָדֶךָ וְהִלְוִיתָ גּוֹיִם רַבִּים
יג וְאַתָּה לֹא תִלְוֶה׃ וּנְתָנְךָ יְהוָה לְרֹאשׁ וְלֹא לְזָנָב וְהָיִיתָ רַק
לְמַעְלָה וְלֹא תִהְיֶה לְמָטָּה כִּי־תִשְׁמַע אֶל־מִצְוֺת ׀ יְהוָה
יד אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת׃ וְלֹא תָסוּר
מִכָּל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוֶּה אֶתְכֶם הַיּוֹם יָמִין וּשְׂמֹאול
• לָלֶכֶת אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים לְעָבְדָם׃ פ
טו וְהָיָה אִם־לֹא תִשְׁמַע בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת
אֶת־כָּל־מִצְוֺתָיו וְחֻקֹּתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם וּבָאוּ
טז עָלֶיךָ כָּל־הַקְּלָלוֹת הָאֵלֶּה וְהִשִּׂיגוּךָ׃ אָרוּר אַתָּה בָּעִיר
יז יח וְאָרוּר אַתָּה בַּשָּׂדֶה׃ אָרוּר טַנְאֲךָ וּמִשְׁאַרְתֶּךָ׃ אָרוּר פְּרִי
יט בִטְנְךָ וּפְרִי אַדְמָתֶךָ שְׁגַר אֲלָפֶיךָ וְעַשְׁתְּרֹת צֹאנֶךָ׃ אָרוּר
כ אַתָּה בְּבֹאֶךָ וְאָרוּר אַתָּה בְּצֵאתֶךָ׃ יְשַׁלַּח יְהוָה ׀ בְּךָ אֶת־
הַמְּאֵרָה אֶת־הַמְּהוּמָה וְאֶת־הַמִּגְעֶרֶת בְּכָל־מִשְׁלַח יָדְךָ
אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה עַד הִשָּׁמֶדְךָ וְעַד־אֲבָדְךָ מַהֵר מִפְּנֵי רֹעַ
כא מַעֲלָלֶיךָ אֲשֶׁר עֲזַבְתָּנִי׃ יַדְבֵּק יְהוָה בְּךָ אֶת־הַדָּבֶר עַד
כַּלֹּתוֹ אֹתְךָ מֵעַל הָאֲדָמָה אֲשֶׁר־אַתָּה בָא־שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ׃
כב יַכְּכָה יְהוָה בַּשַּׁחֶפֶת וּבַקַּדַּחַת וּבַדַּלֶּקֶת וּבַחַרְחֻר וּבַחֶרֶב
כג וּבַשִּׁדָּפוֹן וּבַיֵּרָקוֹן וּרְדָפוּךָ עַד אָבְדֶךָ׃ וְהָיוּ שָׁמֶיךָ אֲשֶׁר עַל־
כד רֹאשְׁךָ נְחֹשֶׁת וְהָאָרֶץ אֲשֶׁר־תַּחְתֶּיךָ בַּרְזֶל׃ יִתֵּן יְהוָה אֶת־

יד׳ יתירה

8 גאָט וועט באַפעלן אַ ברכה בײַ דיר אין דײַנע שפּײַכלערס, און אין אַלץ צו וואָס דײַן האַנט נעמט זיך, און ער וועט דיך בענטשן אין דעם לאַנד וואָס יהוה דײַן גאָט גיט דיר. 9 גאָט וועט דיך אויפשטעלן פאַר אַ הײליקן פאָלק צו זיך, אַזוי ווי ער האָט דיר געשוואָרן, אויב דו וועסט היטן די געבאָט פון יהוה דײַן גאָט, און וועסט גײן אין זײַנע וועגן. 10 און אַלע פעלקער פון דער ערד וועלן זען, אַז גאָטס נאָמען ווערט גערופן אויף דיר, און זײ וועלן מורא האָבן פאַר דיר. 11 און גאָט וועט דיר געבן אַ שֶפע פון גוטס אין דער פרוכט פון דײַן לײַב, און אין דער פרוכט פון דײַן בהמה, און אין דער פרוכט פון דײַן ערד, אויף דער ערד וואָס גאָט האָט געשוואָרן דײַנע עלטערן דיר צו געבן. 12 גאָט וועט דיר עפענען זײַן גוטן אוצר, דעם הימל, צו געבן דעם רעגן פון דײַן לאַנד אין זײַן צײַט, און צו בענטשן יעטוועדער טואונג פון דײַן האַנט; און וועסט אַנטלײַען פיל פעלקער, און דו אַלײן וועסט ניט לײַען. 13 און גאָט וועט דיך מאַכן פאַר דעם קאָפּ און ניט פאַר דעם עק, און וועסט רק זײַן אויבן, און ניט זײַן אונטן, אויב דו וועסט צוהערן צו די געבאָט פון יהוה דײַן גאָט, וואָס איך געביט דיר הײַנט צו היטן און צו טאָן, 14 און וועסט זיך ניט אָפּקערן פון אַלע ווערטער וואָס איך געביט דיר הײַנט, רעכטס אָדער לינקס, כּדי צו גײן נאָך פרעמדע געטער, זײ צו דינען.

15 און עס וועט זײַן, אַז דו וועסט ניט צוהערן צו דעם קָול פון יהוה דײַן גאָט, צו היטן צו טאָן אַלע זײַנע געבאָט און זײַנע געזעצן וואָס איך געביט דיר הײַנט, וועלן קומען אויף דיר אַלע דידאָזיקע קללות, און וועלן דיך דערגרײכן.

16 פאַרשאָלטן וועסטו זײַן אין שטאָט, און פאַרשאָלטן וועסטו זײַן אין פעלד.

17 פאַרשאָלטן דײַן קאָרב, און דײַן טײגמולטער.

18 פאַרשאָלטן די פרוכט פון דײַן לײַב, און די פרוכט פון דײַן ערד, די געבורט פון דײַנע רינדער, און די פרוכפערונג פון דײַנע שאָף.

19 פאַרשאָלטן וועסטו זײַן בײַ דײַן אַרײַנגײן, און פאַרשאָלטן וועסטו זײַן בײַ דײַן אַרויסגײן.

20 גאָט וועט אָנשיקן אויף דיר אַ קללה, אַ מהומה, און אַן אָנגעשרײ, אויף יעטוועדער אונטערנעם פון דײַן האַנט וואָס דו וועסט טאָן, ביז דו וועסט פאַרטיליקט ווערן, און ביז דו וועסט גיך אונטערגײן פון וועגן דײַנע שלעכטע מעשים, וואָס דו האָסט מיך פאַרלאָזן. 21 גאָט וועט באַהעפטן אָן דיר די פּעסט, ביז ער וועט דיך פאַרלענדן פון דער ערד וואָס דו גײסט אַהין, זי צו אַרבן. 22 גאָט וועט דיך פּלאָגן מיט דער, און מיט קדחת, און מיט היץ, און מיט ברענונג, און מיט טריקעניש[א], און מיט קאָרנבראַנד, און מיט וועלקעניש; און זײ וועלן דיך נאָכיאָגן ביז דו וועסט אונטערגײן. 23 און דער הימל וואָס איבער דײַן קאָפּ וועט זײַן קופּער, און די ערד וואָס אונטער דיר אײַזן. 24 גאָט וועט מאַכן

[א] וואָרטשפּיל: וּבַחַרְחֻר וּבַחֶרֶב.

דעם רעגן פון דיין לאַנד שטויב און ערד; עס וועט נידערן אויף דיר פון הימל, ביז דו וועסט פאַרטיליקט ווערן. [25] גאָט וועט דיך געבן אַ געשלאָגענעם פאַר דיינע פיינט; אויף איין וועג וועסטו אַרויסגיין אַקעגן זיי, און אויף זיבן וועגן וועסטו אַנטלויפן פאַר זיי. און וועסט זיין צו שוידער ביי אַלע קיניגרייכן פון דער ערד. [26] און דיינע טויטע לייבער וועלן זיין צו שפּייז פאַר יעטוועדער פויגל פון הימל, און פאַר דער חיה פון דער ערד, און קיינער וועט ניט אָפּטרייבן. [27] גאָט וועט דיך פּלאָגן מיט דעם אויסשלאָג פון מצרים, און מיט בלאָטערן, און מיט קרעץ, און מיט בייסעניש, אַז דו וועסט ניט קענען געהיילט ווערן. [28] גאָט וועט דיך פּלאָגן מיט משוגעת, און מיט בלינדקייט, און מיט צעדולטקייט פון האַרצן. [29] און וועסט טאַפּן אין מיטן טאָג אַזוי ווי אַ בלינדער טאַפּט אין דער פינצטער, און וועסט ניט באַגליקן אין דיינע וועגן, און וועסט רק זיין באַרויבט און באַגזלט אַלע טעג, און קיינער וועט ניט העלפן. [30] אַ ווייב וועסטו פאַרקנסן, און אַן אַנדערער וועט מיט איר זיין; אַ הויז וועסטו בויען, און וועסט ניט וווינען דערין; אַ וויינגאָרטן וועסטו פלאַנצן, און וועסט אים ניט אָנהייבן. [31] דיין אָקס וועט געשאָכטן ווערן פאַר דיינע אויגן, און וועסט פון אים ניט עסן; דיין אייזל וועט אַוועקגעגזלט ווערן פון פאַר דיין פּנים, און וועט דיר ניט אומגעקערט ווערן; דיינע שאָף וועלן אַוועקגעגעבן ווערן צו דיינע פיינט, און וועסט ניט האָבן ווער זאָל העלפן. [32] דיינע זין און דיינע טעכטער וועלן אַוועקגעגעבן ווערן צו אַן אַנדער פאָלק, און דיינע אויגן וועלן זען, און אויסגיין נאָך זיי אַ גאַנצן טאָג, און דיין האַנט וועט זיין אָן מאַכט. [33] די פּרוכט פון דיין ערד, און דיין גאַנצע מי, וועט אויפעסן אַ פאָלק וואָס דו קענסט ניט, און וועסט רק זיין באַרויבט און געדריקט אַלע טעג. [34] און וועסט ווערן משוגע פון דער זעאונג פון דיינע אויגן וואָס דו וועסט זען. [35] גאָט וועט דיך פּלאָגן מיט אַ בייזן אויסשלאָג אויף די קני און אויף די שענקלען, אַז דו וועסט ניט קענען געהיילט ווערן; פון דיין פוסטריט ביז דיין שפּיץ קאָפּ. [36] גאָט וועט אַוועקפירן דיך, און דיין מלך וואָס דו וועסט אויפשטעלן איבער דיר, צו אַ פאָלק וואָס דו און דיינע עלטערן האָבן ניט געקענט; און וועסט דאָרטן דינען פרעמדע געטער, האָלץ און שטיין. [37] און וועסט זיין פאַר אַ שרעק, פאַר אַ שפּריכוואָרט, און פאַר אַ שפּאָט, צווישן אַלע פעלקער וואָס גאָט וועט דיך אַהין אַוועקפירן.

[38] פיל זריעה וועסטו אַרויסטראָגן אין פעלד, און ווינציק וועסטו איינזאַמלען, וואָרום דער היישעריק וועט עס פאַרצערן. [39] וויינגערטנער וועסטו פלאַנצן און באַאַרבעטן, אָבער וויין וועסטו ניט טרינקען און ניט אַריינעמען, וואָרום דער וואָרעם וועט עס אויפעסן. [40] איילבערטביימער וועסטו האָבן אין דיין גאַנצן געמאַרק, אָבער מיט אייל וועסטו זיך ניט זאַלבן, וואָרום דיינע איילבערטן וועלן אַראָפּפאַלן. [41] זין און טעכטער וועסטו האָבן, אָבער זיי וועלן ניט בלייבן ביי דיר, וואָרום זיי וועלן אַוועקגיין אין געפאַנגענשאַפט. [42] אַלע דיינע ביימער און די פּרוכט פון דיין ערד וועט ירשען דער גריל.

[43] דער פרעמדער וואָס צווישן דיר וועט שטייגן העכער און העכער איבער דיר, און דו וועסט נידערן

מטר ארצך אבק ועפר מן השמים ירד עליך עד השמדך׃
כה יתנך יהוה נגף לפני איביך בדרך אחד תצא אליו
ובשבעה דרכים תנוס לפניו והיית לזעוה לכל ממלכות
כו הארץ׃ והיתה נבלתך למאכל לכל עוף השמים ולבהמת
כז הארץ ואין מחריד׃ יככה יהוה בשחין מצרים ובעפלים
כח ובגרב ובחרס אשר לא תוכל להרפא׃ יככה יהוה
כט בשגעון ובעורון ובתמהון לבב׃ והיית ממשש בצהרים
כאשר ימשש העור באפלה ולא תצליח את דרכיך
ל והיית אך עשוק וגזול כל הימים ואין מושיע׃ אשה תארש
ואיש אחר ישגלנה בית תבנה ולא תשב בו כרם תטע
לא ולא תחללנו׃ שורך טבוח לעיניך ולא תאכל ממנו חמרך
גזול מלפניך ולא ישוב לך צאנך נתנות לאיביך ואין לך
לב מושיע׃ בניך ובנתיך נתנים לעם אחר ועיניך ראות
לג וכלות אליהם כל היום ואין לאל ידך׃ פרי אדמתך וכל
יגיעך יאכל עם אשר לא ידעת והיית רק עשוק ורצוץ
לד כל הימים׃ והיית משגע ממראה עיניך אשר תראה׃
לה יככה יהוה בשחין רע על הברכים ועל השקים אשר
לו לא תוכל להרפא מכף רגלך ועד קדקדך׃ יולך יהוה
אתך ואת מלכך אשר תקים עליך אל גוי אשר לא
ידעת אתה ואבתיך ועבדת שם אלהים אחרים עץ ואבן׃
לז והיית לשמה למשל ולשנינה בכל העמים אשר ינהגך
לח יהוה שמה׃ זרע רב תוציא השדה ומעט תאסף כי יחסלנו
לט הארבה׃ כרמים תטע ועבדת ויין לא תשתה ולא
מ תאגר כי תאכלנו התלעת׃ זיתים יהיו לך בכל גבולך
מא ושמן לא תסוך כי ישל זיתך׃ בנים ובנות תוליד ולא
מב יהיו לך כי ילכו בשבי׃ כל עצך ופרי אדמתך יירש
מג הצלצל׃ הגר אשר בקרבך יעלה עליך מעלה מעלה

כז' ובטחורים ק' ל' ישכבנה ק' מב' פתח בס"פ

וְאַתָּה תֵּרֵד מַטָּה מָּטָּה: הוּא יַלְוְךָ וְאַתָּה לֹא תַלְוֶנּוּ מד
הוּא יִהְיֶה לְרֹאשׁ וְאַתָּה תִּהְיֶה לְזָנָב: וּבָאוּ עָלֶיךָ כָּל־ מה
הַקְּלָלוֹת הָאֵלֶּה וּרְדָפוּךָ וְהִשִּׂיגוּךָ עַד הִשָּׁמְדָךְ כִּי־לֹא
שָׁמַעְתָּ בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹר מִצְוֹתָיו וְחֻקֹּתָיו אֲשֶׁר
צִוָּךְ: וְהָיוּ בְךָ לְאוֹת וּלְמוֹפֵת וּבְזַרְעֲךָ עַד־עוֹלָם: תַּחַת מו מז
אֲשֶׁר לֹא־עָבַדְתָּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב
מֵרֹב כֹּל: וְעָבַדְתָּ אֶת־אֹיְבֶיךָ אֲשֶׁר יְשַׁלְּחֶנּוּ יְהוָה בָּךְ מח
בְּרָעָב וּבְצָמָא וּבְעֵירֹם וּבְחֹסֶר כֹּל וְנָתַן עֹל בַּרְזֶל עַל־
צַוָּארֶךָ עַד הִשְׁמִידוֹ אֹתָךְ: יִשָּׂא יְהוָה עָלֶיךָ גּוֹי מֵרָחֹק מט
מִקְצֵה הָאָרֶץ כַּאֲשֶׁר יִדְאֶה הַנָּשֶׁר גּוֹי אֲשֶׁר לֹא־תִשְׁמַע
לְשֹׁנוֹ: גּוֹי עַז פָּנִים אֲשֶׁר לֹא־יִשָּׂא פָנִים לְזָקֵן וְנַעַר לֹא נ
יָחֹן: וְאָכַל פְּרִי בְהֶמְתְּךָ וּפְרִי־אַדְמָתְךָ עַד הִשָּׁמְדָךְ אֲשֶׁר נא
לֹא־יַשְׁאִיר לְךָ דָּגָן תִּירוֹשׁ וְיִצְהָר שְׁגַר אֲלָפֶיךָ וְעַשְׁתְּרֹת
צֹאנֶךָ עַד הַאֲבִידוֹ אֹתָךְ: וְהֵצַר לְךָ בְּכָל־שְׁעָרֶיךָ עַד רֶדֶת נב
חֹמֹתֶיךָ הַגְּבֹהֹת וְהַבְּצֻרוֹת אֲשֶׁר אַתָּה בֹּטֵחַ בָּהֵן בְּכָל־
אַרְצֶךָ וְהֵצַר לְךָ בְּכָל־שְׁעָרֶיךָ בְּכָל־אַרְצְךָ אֲשֶׁר נָתַן יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ לָךְ: וְאָכַלְתָּ פְרִי־בִטְנְךָ בְּשַׂר בָּנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ אֲשֶׁר נג
נָתַן־לְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּמָצוֹר וּבְמָצוֹק אֲשֶׁר־יָצִיק לְךָ
אֹיְבֶךָ: הָאִישׁ הָרַךְ בְּךָ וְהֶעָנֹג מְאֹד תֵּרַע עֵינוֹ בְאָחִיו נד
וּבְאֵשֶׁת חֵיקוֹ וּבְיֶתֶר בָּנָיו אֲשֶׁר יוֹתִיר: מִתֵּת ׀ לְאַחַד נה
מֵהֶם מִבְּשַׂר בָּנָיו אֲשֶׁר יֹאכֵל מִבְּלִי הִשְׁאִיר־לוֹ כֹּל
בְּמָצוֹר וּבְמָצוֹק אֲשֶׁר יָצִיק לְךָ אֹיִבְךָ בְּכָל־שְׁעָרֶיךָ:
הָרַכָּה בְךָ וְהָעֲנֻגָּה אֲשֶׁר לֹא־נִסְּתָה כַף־רַגְלָהּ הַצֵּג עַל־ נו
הָאָרֶץ מֵהִתְעַנֵּג וּמֵרֹךְ תֵּרַע עֵינָהּ בְּאִישׁ חֵיקָהּ וּבִבְנָהּ
וּבְבִתָּהּ: וּבְשִׁלְיָתָהּ הַיּוֹצֵת ׀ מִבֵּין רַגְלֶיהָ וּבְבָנֶיהָ אֲשֶׁר נז
תֵּלֵד כִּי־תֹאכְלֵם בְּחֹסֶר־כֹּל בַּסָּתֶר בְּמָצוֹר וּבְמָצוֹק אֲשֶׁר
יָצִיק לְךָ אֹיִבְךָ בִּשְׁעָרֶיךָ: אִם־לֹא תִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת אֶת־ נח

נז׳ חסר אליף

אַראָפּ און אַראָפּ. [44] ער וועט דיר אַנטלייען, און דו וועסט אים ניט אַנטלייען; ער וועט זיין דער קאָפּ, און דו וועסט זיין דער עק.

[45] און אַלע דידאָזיקע קללות וועלן קומען אויף דיר, און וועלן דיך נאָכיאָגן און דיך דערגרייכן, ביז דו וועסט פאַרטיליקט ווערן, ווייל דו האָסט ניט צוגעהערט צו דעם קול פון יהוה דיין גאָט, צו היטן זיינע געבאָט און זיינע געזעצן וואָס ער האָט דיר געבאָטן. [46] און זיי וועלן זיין פאַר אַ צייכן און פאַר אַ וווּנדער אויף דיר און אויף דיין זאָמען ביז אייביק. [47] דערפאַר וואָס דו האָסט ניט געדינט יהוה דיין גאָט מיט שמחה, און מיט אַ פריילעכן האַרצן, אין אַ שֶפע פון אַלץ, [48] וועסטו דינען דיין פיינט, וואָס גאָט וועט אים אָנשיקן אויף דיר, אין הונגער, און אין דאָרשטיקייט, און אין נאַקעטקייט, און אין מינערונג פון אַלץ; און ער וועט אַרויפטאָן אַן אַייזערנעם יאָך אויף דיין האַלדז, ביז ער וועט דיך פאַרטיליקן.

[49] גאָט וועט אָנטראָגן אויף דיר אַ פאָלק פון דער וויטן, פון עק ערד, אַזוי ווי עס קומט צו שוועבן אַן אָדלער, אַ פאָלק וואָס דו וועסט ניט פאַרשטיין זיין לשון; [50] אַ פאָלק מיט אַ פאַרשייטן פנים, וואָס וועט ניט שוינען דעם פנים פון אַ זקן, און אַ יונגן וועט ער ניט לייטזעליקן. [51] און ער וועט אויפעסן די פרוכט פון דיין בהמה, און די פרוכט פון דיין ערד, ביז דו וועסט פאַרטיליקט ווערן; וואָס וועט דיר ניט איבערלאָזן קיין תבואה, קיין וויין, און קיין אייל, קיין געבורט פון דיינע רינדער, און קיין פרוכ־פערונג פון דיינע שאָף, ביז ער וועט דיך אונטערברענגען. [52] און ער וועט דיך באַלעגערן אין אַלע דיינע טויערן, ביז עס וועלן נידערן דיינע הויכע און פעסטע מויערן, וואָס דו האָסט זיך אויף זיי פאַרזיכערט, אין דיין גאַנצן לאַנד; יאָ, ער וועט דיך באַלעגערן אין אַלע דיינע טויערן, אין דיין גאַנצן לאַנד וואָס יהוה דיין גאָט האָט דיר געגעבן. [53] און וועסט עסן די פרוכט פון דיין לייב, דאָס פלייש פון דיינע זין און דיינע טעכטער וואָס יהוה דיין גאָט האָט דיר געגעבן, אין דער באַלעגערונג, און אין דער דריקונג וואָס דיין פיינט וועט דיך דריקן. [54] דער איידעלער מענטש צווישן דיר און דער זייער פאַרצערטלטער, זיין אויג וועט זיין שלעכט צו זיין ברודער, און צו דער ווייב פון זיין בוזעם, און צו די איבעריקע קינדער וואָס ער וועט איבערלאָזן, [55] צו געבן איינעם פון זיי פון דעם פלייש פון זיינע קינדער וואָס ער וועט עסן, ווייל גאָרנישט וועט אים זיין געבליבן אין דער באַלעגערונג, און אין דער דריקונג וואָס דיין פיינט וועט דיך דריקן אין אַלע דיינע טויערן. [56] די איידעלע צווישן דיר און די פאַרצערטלטע, וואָס האָט קיינמאָל ניט גע־פרווט שטעלן איר פוסטריט אויף דער ערד, פון פאַרצערטלטקייט און פון איידלקייט, איר אויג וועט זיין שלעכט צו דעם מאַן פון איר בוזעם, און צו איר זון, און צו איר טאָכטער, [57] און צו איר נאָכגעבורט וואָס קומט אַרויס פון צווישן אירע פיס, און צו אירע קינדער וואָס זי וועט געבערן, וואָרום זי וועט זיי אויפעסן אין פאַרבאָרגעניש, אין מינערונג פון אַלץ, אין דער באַלעגערונג, און אין דער דריקונג וואָס דיין פיינט וועט דיך דריקן אין דיינע טויערן.

[58] אויב דו וועסט ניט היטן צו טאָן אַלע ווערטער פון דערדאָזיקער תורה, וואָס שטייען געשריבן אין

כָּל־דִּבְרֵי֙ הַתּוֹרָ֣ה הַזֹּ֔את הַכְּתֻבִ֖ים בַּסֵּ֣פֶר הַזֶּ֑ה לְ֠יִרְאָה
נט אֶת־הַשֵּׁ֞ם הַנִּכְבָּ֤ד וְהַנּוֹרָא֙ הַזֶּ֔ה אֵ֖ת יְהוָ֥ה אֱלֹהֶֽיךָ׃ וְהִפְלָ֤א
יְהוָה֙ אֶת־מַכֹּ֣תְךָ֔ וְאֵ֖ת מַכּ֣וֹת זַרְעֶ֑ךָ מַכּ֤וֹת גְּדֹלֹת֙ וְֽנֶאֱמָנ֔וֹת
ס וָחֳלָיִ֥ם רָעִ֖ים וְֽנֶאֱמָנִֽים׃ וְהֵשִׁ֣יב בְּךָ֗ אֵ֚ת כָּל־מַדְוֵ֣ה מִצְרַ֔יִם
סא אֲשֶׁ֥ר יָגֹ֖רְתָּ מִפְּנֵיהֶ֑ם וְדָבְק֖וּ בָּֽךְ׃ גַּ֤ם כָּל־חֳלִי֙ וְכָל־מַכָּ֔ה
אֲשֶׁר֙ לֹ֣א כָת֔וּב בְּסֵ֖פֶר הַתּוֹרָ֣ה הַזֹּ֑את יַעְלֵ֤ם יְהוָה֙ עָלֶ֔יךָ
סב עַ֖ד הִשָּׁמְדָֽךְ׃ וְנִשְׁאַרְתֶּם֙ בִּמְתֵ֣י מְעָ֔ט תַּ֚חַת אֲשֶׁ֣ר הֱיִיתֶ֔ם
כְּכוֹכְבֵ֥י הַשָּׁמַ֖יִם לָרֹ֑ב כִּֽי־לֹ֣א שָׁמַ֔עְתָּ בְּק֖וֹל יְהוָ֥ה אֱלֹהֶֽיךָ׃
סג וְהָיָ֡ה כַּאֲשֶׁר־שָׂ֨שׂ יְהוָ֜ה עֲלֵיכֶ֗ם לְהֵיטִ֣יב אֶתְכֶם֮ וּלְהַרְבּ֣וֹת
אֶתְכֶם֒ כֵּ֣ן יָשִׂ֤ישׂ יְהוָה֙ עֲלֵיכֶ֔ם לְהַאֲבִ֥יד אֶתְכֶ֖ם וּלְהַשְׁמִ֣יד
אֶתְכֶ֑ם וְנִסַּחְתֶּם֙ מֵעַ֣ל הָאֲדָמָ֔ה אֲשֶׁר־אַתָּ֥ה בָא־שָׁ֖מָּה
סד לְרִשְׁתָּֽהּ׃ וֶהֱפִֽיצְךָ֤ יְהוָה֙ בְּכָל־הָ֣עַמִּ֔ים מִקְצֵ֥ה הָאָ֖רֶץ וְעַד־
קְצֵ֣ה הָאָ֑רֶץ וְעָבַ֨דְתָּ שָּׁ֜ם אֱלֹהִ֣ים אֲחֵרִ֗ים אֲשֶׁ֧ר לֹא־יָדַ֛עְתָּ
סה אַתָּ֥ה וַאֲבֹתֶ֖יךָ עֵ֥ץ וָאָֽבֶן׃ וּבַגּוֹיִ֤ם הָהֵם֙ לֹ֣א תַרְגִּ֔יעַ וְלֹא־
יִהְיֶ֥ה מָנ֖וֹחַ לְכַף־רַגְלֶ֑ךָ וְנָתַן֩ יְהוָ֨ה לְךָ֥ שָׁם֙ לֵ֣ב רַגָּ֔ז וְכִלְי֥וֹן
סו עֵינַ֖יִם וְדַאֲב֥וֹן נָֽפֶשׁ׃ וְהָי֣וּ חַיֶּ֔יךָ תְּלֻאִ֥ים לְךָ֖ מִנֶּ֑גֶד וּפָֽחַדְתָּ֙
סז לַ֣יְלָה וְיוֹמָ֔ם וְלֹ֥א תַאֲמִ֖ין בְּחַיֶּֽיךָ׃ בַּבֹּ֤קֶר תֹּאמַר֙ מִֽי־יִתֵּ֣ן
עֶ֔רֶב וּבָעֶ֥רֶב תֹּאמַ֖ר מִֽי־יִתֵּ֣ן בֹּ֑קֶר מִפַּ֤חַד לְבָֽבְךָ֙ אֲשֶׁ֣ר
סח תִּפְחָ֔ד וּמִמַּרְאֵ֥ה עֵינֶ֖יךָ אֲשֶׁ֥ר תִּרְאֶֽה׃ וֶהֱשִֽׁיבְךָ֨ יְהוָ֥ה ׀ מִצְרַיִם֮
בָּאֳנִיּוֹת֒ בַּדֶּ֙רֶךְ֙ אֲשֶׁ֣ר אָמַ֣רְתִּֽי לְךָ֔ לֹא־תֹסִ֥יף ע֖וֹד לִרְאֹתָ֑הּ
וְהִתְמַכַּרְתֶּ֨ם שָׁ֧ם לְאֹיְבֶ֛יךָ לַעֲבָדִ֥ים וְלִשְׁפָח֖וֹת וְאֵ֥ין קֹנֶֽה׃
סט ס אֵלֶּה֩ דִבְרֵ֨י הַבְּרִ֜ית אֲשֶׁר־צִוָּ֧ה יְהוָ֣ה אֶת־מֹשֶׁ֗ה לִכְרֹ֛ת
אֶת־בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵ֖ל בְּאֶ֣רֶץ מוֹאָ֑ב מִלְּבַ֣ד הַבְּרִ֔ית אֲשֶׁר־כָּרַ֥ת
אִתָּ֖ם בְּחֹרֵֽב׃ פ

## כט

שב׳ וַיִּקְרָ֥א מֹשֶׁ֛ה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵ֖ל וַיֹּ֣אמֶר אֲלֵהֶ֑ם אַתֶּ֣ם רְאִיתֶ֗ם
אֵ֣ת כָּל־אֲשֶׁר֩ עָשָׂ֨ה יְהוָ֤ה לְעֵֽינֵיכֶם֙ בְּאֶ֣רֶץ מִצְרַ֔יִם לְפַרְעֹ֖ה

כח, סב׳ קמץ בז״ק סז׳ קמץ בז״ק

דעמדאָזיקן בוך, מורא צו האָבן פאַר דעמדאָזיקן געאַכפּערטן און פאָרכטיקן נאָמען, פאַר יהוה דיין גאָט, [59] וועט גאָט מאַכן וווּנדערלעך דיינע פּלאָגן, און די פּלאָגן פון דיינע קינדער–גרויסע און אָנגעהאַלטענע פּלאָגן, און בייזע און אָנגעהאַלטענע קרענק. [60] און ער וועט ווידער ברענגען אויף דיר אַלע ווייטאָקן פון מִצרַיִם, וואָס דו האָסט זיך געשראָקן פאַר זיי, און זיי וועלן זיך באַהעפטן אָן דיר. [61] אויך יעטוועדער קרענק און יעטוועדער פּלאָג וואָס שטייט ניט געשריבן אין דעם בוך פון דערדאָזיקער תּורה, וועט זיי גאָט אַרויפבּרענגען אויף דיר ביז דו וועסט פאַרטיליקט ווערן. [62] און איר וועט בלייבן מיט אַ הייפל מענטשן, אָנשטאָט וואָס איר זייט געווען אַזוי ווי די שטערן פון הימל אין פילקייט; ווייל דו האָסט ניט צוגעהערט צו דעם קָול פון יהוה דיין גאָט. [63] און עס וועט זיין, אַזוי ווי גאָט האָט זיך געפרייט איבער אייך, אייך צו באַגיטיקן, און אייך צו מערן, אַזוי וועט גאָט זיך פרייען איבער אייך, אייך אונטערצובּרענגען און אייך צו פאַרטיליקן; און איר וועט אַוועקגעריסן ווערן פון דער ערד וואָס דו קומסט אַהין, זי צו אַרבן. [64] און גאָט וועט דיך צעשפּרייטן צווישן אַלע אומות, פון עק ערד ביז עק ערד, און וועסט דאָרטן דינען פרעמדע געטער, וואָס דו און דיינע עלטערן האָבן ניט געקענט, האָלץ און שטיין. [65] און צווישן דידאָזיקע פעלקער וועסטו קיין רו ניט האָבן, און קיין מנוחה וועט ניט זיין פאַר דיין פוסטריט; און גאָט וועט דיר געבן דאָרטן אַן אומרואיק האַרץ, און אויסגייעניש פון די אויגן, און פאַרשמאַכטונג פון דער זעל. [66] און דיין לעבן וועט דיר הענגען אַנטקעגן, און וועסט אַנגסטן טאָג און נאַכט, און ניט זיין זיכער מיט דיין לעבן. [67] אין פרימאָרגן וועסטו זאָגן: הלוואַי ווערט אָוונט! און אין אָוונט וועסטו זאָגן: הלוואַי ווערט פרימאָרגן! פון וועגן דער אַנגסט פון דיין האַרצן וואָס דו וועסט אַנגסטן, און פון וועגן דער זעאונג פון דיינע אויגן וואָס דו וועסט זען. [68] און גאָט וועט דיך אומקערן אויף שיפן קיין מִצרַיִם, אויף דעם וועג וואָס איך האָב דיר געזאָגט, וועסט אים מער ניט אָנזען. און איר וועט זיך דאָרטן אָנבּאָטן צו אַייערע פיינט פאַר קנעכט און פאַר דינסטן, און קיין קויפער וועט ניט זיין.

[69] דאָס זיינען די ווערטער פון דעם בונד וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן צו שליסן מיט די קינדער פון ישראל אין לאַנד מואָב, אַחוץ דעם בונד וואָס ער האָט געשלאָסן מיט זיי אין חורֵב.

## כט

[1] און משה האָט צונויפגערופן גאַנץ ישראל, און האָט צו זיי געזאָגט: איר האָט געזען אַלץ וואָס גאָט האָט געטאָן פאַר אַייערע אויגן אין לאַנד מִצרַיִם צו פּרעהן, און

וּלְכָל־עֲבָדָיו וּלְכָל־אַרְצוֹ׃ הַמַּסּוֹת הַגְּדֹלֹת אֲשֶׁר רָאוּ ב
עֵינֶיךָ הָאֹתֹת וְהַמֹּפְתִים הַגְּדֹלִים הָהֵם׃ וְלֹא־נָתַן יְהוָה ג
לָכֶם לֵב לָדַעַת וְעֵינַיִם לִרְאוֹת וְאָזְנַיִם לִשְׁמֹעַ עַד הַיּוֹם
הַזֶּה׃ וָאוֹלֵךְ אֶתְכֶם אַרְבָּעִים שָׁנָה בַּמִּדְבָּר לֹא־בָלוּ ד
שַׂלְמֹתֵיכֶם מֵעֲלֵיכֶם וְנַעַלְךָ לֹא־בָלְתָה מֵעַל רַגְלֶךָ׃ לֶחֶם ה
לֹא אֲכַלְתֶּם וְיַיִן וְשֵׁכָר לֹא שְׁתִיתֶם לְמַעַן תֵּדְעוּ כִּי אֲנִי
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וַתָּבֹאוּ אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה וַיֵּצֵא סִיחֹן מֶלֶךְ־ מפ׳
חֶשְׁבּוֹן וְעוֹג מֶלֶךְ־הַבָּשָׁן לִקְרָאתֵנוּ לַמִּלְחָמָה וַנַּכֵּם׃ וַנִּקַּח ז
אֶת־אַרְצָם וַנִּתְּנָהּ לְנַחֲלָה לָראוּבֵנִי וְלַגָּדִי וְלַחֲצִי שֵׁבֶט
הַמְנַשִּׁי׃ וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־דִּבְרֵי הַבְּרִית הַזֹּאת וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם ח
לְמַעַן תַּשְׂכִּילוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּן׃ פ

צו אַלע זײַנע קנעכט, און צו זײַן גאַנצן לאַנד; [2] די גרויסע פּרוּװוּנגען װאָס דײַנע אויגן האָבן געזען, יענע גרויסע צייכנס און װוּנדער. [3] אָבער גאָט האָט אײַך ניט געגעבן אַ האַרץ צו פֿאַרשטיין, און אויגן צו זען, און אויערן צו הערן, ביז אויף הײַנטיקן טאָג. [4] און איך האָב אײַך גע־פֿירט פֿערציק יאָר דורכן מדבר; אײַערע קליידער זײַנען ניט אָפּגעטראָגן געװאָרן אויף אײַך, און דײַן שוך איז ניט אָפּגעטראָגן געװאָרן אויף דײַן פֿוס. [5] ברויט האָט איר ניט געגעסן, און װײַן און געטראַנק האָט איר ניט גע־טרונקען; כּדי איר זאָלט װיסן אַז איך בין יהוה אײַער גאָט. [6] און אַז איר זײַט געקומען צו דעמדאָזיקן אָרט, איז אַרויסגעגאַנגען סיחון דער מלך פֿון חֶשבּוֹן, און עוֹג דער מלך פֿון בָּשָן, אַקעגן אונדז אויף מלחמה, און מיר האָבן זיי געשלאָגן. [7] און מיר האָבן צוגענומען זייער לאַנד, און האָבן עס געגעבן פֿאַר אַ נחלה צו די ראוּבֵנים, און צו די גָדים, און צו דעם האַלבן שבט מנשה. [8] דרום זאָלט איר היטן די װערטער פֿון דעמדאָזיקן בּונד, און זיי טאָן, כּדי איר זאָלט באַגליקן אין אַלץ װאָס איר װעט טאָן.

# נִצָּבִים

אַתֶּם נִצָּבִים הַיּוֹם כֻּלְּכֶם לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם רָאשֵׁיכֶם ט
שִׁבְטֵיכֶם זִקְנֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם כֹּל אִישׁ יִשְׂרָאֵל׃ טַפְּכֶם י
נְשֵׁיכֶם וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בְּקֶרֶב מַחֲנֶיךָ מֵחֹטֵב עֵצֶיךָ עַד שֹׁאֵב
מֵימֶיךָ׃ לְעָבְרְךָ בִּבְרִית יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וּבְאָלָתוֹ אֲשֶׁר יְהוָה יא
אֱלֹהֶיךָ כֹּרֵת עִמְּךָ הַיּוֹם׃ לְמַעַן הָקִים־אֹתְךָ הַיּוֹם לוֹ שני
לְעָם וְהוּא יִהְיֶה־לְּךָ לֵאלֹהִים כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר־לָךְ וְכַאֲשֶׁר
נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב׃ וְלֹא אִתְּכֶם יג
לְבַדְּכֶם אָנֹכִי כֹּרֵת אֶת־הַבְּרִית הַזֹּאת וְאֶת־הָאָלָה הַזֹּאת׃
כִּי אֶת־אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה עִמָּנוּ עֹמֵד הַיּוֹם לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵינוּ יד
וְאֵת אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ פֹּה עִמָּנוּ הַיּוֹם׃ כִּי־אַתֶּם יְדַעְתֶּם אֵת אֲשֶׁר־ של׳
יָשַׁבְנוּ בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם וְאֵת אֲשֶׁר־עָבַרְנוּ בְּקֶרֶב הַגּוֹיִם אֲשֶׁר
עֲבַרְתֶּם׃ וַתִּרְאוּ אֶת־שִׁקּוּצֵיהֶם וְאֵת גִּלֻּלֵיהֶם עֵץ וָאֶבֶן טו
כֶּסֶף וְזָהָב אֲשֶׁר עִמָּהֶם׃ פֶּן־יֵשׁ בָּכֶם אִישׁ אוֹ־אִשָּׁה אוֹ יז
מִשְׁפָּחָה אוֹ־שֵׁבֶט אֲשֶׁר לְבָבוֹ פֹנֶה הַיּוֹם מֵעִם יְהוָה
אֱלֹהֵינוּ לָלֶכֶת לַעֲבֹד אֶת־אֱלֹהֵי הַגּוֹיִם הָהֵם פֶּן־יֵשׁ בָּכֶם
שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה׃ וְהָיָה בְּשָׁמְעוֹ אֶת־דִּבְרֵי הָאָלָה יח

[9] איר שטייט הײַנט אַלע פֿאַר יהוה אײַער גאָט, אײַערע הױפּטלײַט, אײַערע שבטים, אײַערע עלטסטע, און אײַערע אױפֿזעערס, אַלע מענער פֿון ישׂראל, [10] אײַערע קליינע קינדער, אײַערע װײַבער, און דײַן פֿרעמדער װאָס אין דײַן לאַגער, פֿון דײַן האָלצהעקער ביז דײַן װאַסערשעפּער; [11] אַז דו זאָלסט אַרײַנטרעטן אין דעם בּונד פֿון יהוה דײַן גאָט און אין זײַן שבֿועה װאָס יהוה דײַן גאָט שליסט מיט דיר הײַנט; [12] כּדי דיך אויפֿ־צושטעלן הײַנט פֿאַר אַ פֿאָלק צו אים, און ער זאָל דיר זײַן צום גאָט, אַזוי װי ער האָט דיר צוגעזאָגט, און אַזוי װי ער האָט געשװאָרן צו דײַנע עלטערן, צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבֿן. [13] און ניט מיט אײַך אַליין שליס איך דעמדאָזיקן בּונד און דידאָזיקע שבֿועה, [14] נייערט אי מיט דעם װאָס שטייט דאָ מיט אונדז הײַנט פֿאַר יהוה אונדזער גאָט, אי מיט דעם װאָס איז דאָ ניט פֿאַראַן מיט אונדז הײַנט. [15] װאָרום איר װייסט װי מיר זײַנען געזעסן אין לאַנד מִצרַיִם, און װי מיר זײַנען דורכגעגאַנגען צװישן די פֿעלקער װאָס איר זײַט דורכגעגאַנגען. [16] און איר האָט געזען זייערע אומװערדיקייטן, און זייערע אָפּגעטער, האָלץ און שטיין, זילבער און גאָלד, װאָס בײַ זיי. [17] טאָמער איז דאָ צװישן אײַך אַ מאַן, אָדער אַ פֿרוי, אָדער אַ משפּחה, אָדער אַ שבט, װאָס זײַן האַרץ קערט זיך אָפּ הײַנט פֿון יהוה אונדזער גאָט, צו גיין דינען די געטער פֿון יענע פֿעלקער; טאָמער איז פֿאַראַן צװישן אײַך אַ װאָרצל װאָס פֿרוכפּערט ביטערקרויט און װערמוט; [18] און עס װעט זײַן, אַז ער װעט הערן די װערטער פֿון דערדאָזיקער שבֿועה,

הַזֹּאת וְהִתְבָּרֵךְ בִּלְבָבוֹ לֵאמֹר שָׁלוֹם יִהְיֶה־לִּי כִּי
בִּשְׁרִרוּת לִבִּי אֵלֵךְ לְמַעַן סְפוֹת הָרָוָה אֶת־הַצְּמֵאָה׃
יט לֹא־יֹאבֶה יְהוָה סְלֹחַ לוֹ כִּי אָז יֶעְשַׁן אַף־יְהוָה וְקִנְאָתוֹ
בָּאִישׁ הַהוּא וְרָבְצָה בּוֹ כָּל־הָאָלָה הַכְּתוּבָה בַּסֵּפֶר הַזֶּה
כ וּמָחָה יְהוָה אֶת־שְׁמוֹ מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם׃ וְהִבְדִּילוֹ יְהוָה
לְרָעָה מִכֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אָלוֹת הַבְּרִית הַכְּתוּבָה
כא בְּסֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה׃ וְאָמַר הַדּוֹר הָאַחֲרוֹן בְּנֵיכֶם אֲשֶׁר
יָקוּמוּ מֵאַחֲרֵיכֶם וְהַנָּכְרִי אֲשֶׁר יָבֹא מֵאֶרֶץ רְחוֹקָה וְרָאוּ
אֶת־מַכּוֹת הָאָרֶץ הַהִוא וְאֶת־תַּחֲלֻאֶיהָ אֲשֶׁר־חִלָּה יְהוָה
כב בָּהּ׃ גָּפְרִית וָמֶלַח שְׂרֵפָה כָל־אַרְצָהּ לֹא תִזָּרַע וְלֹא
תַצְמִחַ וְלֹא־יַעֲלֶה בָהּ כָּל־עֵשֶׂב כְּמַהְפֵּכַת סְדֹם וַעֲמֹרָה
כג אַדְמָה וּצְבֹיִים אֲשֶׁר הָפַךְ יְהוָה בְּאַפּוֹ וּבַחֲמָתוֹ׃ וְאָמְרוּ
כָּל־הַגּוֹיִם עַל־מֶה עָשָׂה יְהוָה כָּכָה לָאָרֶץ הַזֹּאת מֶה חֳרִי
כד הָאַף הַגָּדוֹל הַזֶּה׃ וְאָמְרוּ עַל אֲשֶׁר עָזְבוּ אֶת־בְּרִית יְהוָה
אֱלֹהֵי אֲבֹתָם אֲשֶׁר כָּרַת עִמָּם בְּהוֹצִיאוֹ אֹתָם מֵאֶרֶץ
כה מִצְרָיִם׃ וַיֵּלְכוּ וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים וַיִּשְׁתַּחֲווּ לָהֶם
כו אֱלֹהִים אֲשֶׁר לֹא־יְדָעוּם וְלֹא חָלַק לָהֶם׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה
בָּאָרֶץ הַהִוא לְהָבִיא עָלֶיהָ אֶת־כָּל־הַקְּלָלָה הַכְּתוּבָה
כז בַּסֵּפֶר הַזֶּה׃ וַיִּתְּשֵׁם יְהוָה מֵעַל אַדְמָתָם בְּאַף וּבְחֵמָה
כח וּבְקֶצֶף גָּדוֹל וַיַּשְׁלִכֵם אֶל־אֶרֶץ אַחֶרֶת כַּיּוֹם הַזֶּה׃ הַנִּסְתָּרֹת
לַיהוָה אֱלֹהֵינוּ וְהַנִּגְלֹת לָנוּ וּלְבָנֵינוּ עַד־עוֹלָם לַעֲשׂוֹת
אֶת־כָּל־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת׃ ס

ל

רב׳ (שני) וְהָיָה כִי־יָבֹאוּ עָלֶיךָ כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הַבְּרָכָה וְהַקְּלָלָה
אֲשֶׁר נָתַתִּי לְפָנֶיךָ וַהֲשֵׁבֹתָ אֶל־לְבָבֶךָ בְּכָל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר
ב הִדִּיחֲךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ שָׁמָּה׃ וְשַׁבְתָּ עַד־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
וְשָׁמַעְתָּ בְקֹלוֹ כְּכֹל אֲשֶׁר־אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם אַתָּה וּבָנֶיךָ

כט, כב׳ וצבוים ק׳ כז׳ ל רבתי כח׳ יא נקודות

ווּעט ער זיך רימען אין זיין האַרצן, אַזוי צו זאָגן: פריד ווּעט זיין צו מיר, ווען איך וועל גיין אין דער אײַנגע־שפּאַרטקייט פון מיין האַרצן—כּדי אונטערצוברענגען דאָס באַוועסערטע אין איינעם מיטן דאָרשטיקן[א]— 19 ווּעט אים גאָט ניט ווּעלן פאַרגעבן, נייערט דער צאָרן פון גאָט און זיין פאַרדראָס ווּעט דענסמאָל ברענען אויף יענעם מאַן, און אויף אים ווּעט הויערן די גאַנצע קללה וואָס שטייט געשריבן אין דעמדאָזיקן בוך, און גאָט ווּעט אויסמעקן זיין נאָמען פון אונטערן הימל. 20 און גאָט ווּעט אים אָפּ־שיידן צום בייזן פון אַלע שבטים פון ישׂראל, אַזוי ווי אַלע קללות פון דעם בונד וואָס שטייט געשריבן אין דעמדאָזיקן בוך פון דער תּורה. 21 און דער שפּעטערדיקער דור, אײַערע קינדער וואָס ווּעלן אויפשטיין נאָך אײַך, און דער פרעמדער וואָס ווּעט קומען פון אַ ווייטן לאַנד, ווּעלן זאָגן:—ווען זיי ווּעלן זען די פּלאָגן פון דעמדאָזיקן לאַנד, און אירע קרענק מיט וואָס גאָט האָט עס קראַנק געמאַכט; 22 אַז שוועבל און זאַלץ, פאַרברענט, איז איר גאַנצע ערד; ניט זי ווערט געזייט, און ניט זי לאָזט אַרויס אַ שפּראָצונג, און ניט עס וואַקסט אויף איר אַ שום גראָז, אַזוי ווי די איבערקערעניש פון סדום, און עמורה, אַדמה, און צבויִים, וואָס גאָט האָט איבערגעקערט אין זיין כּעס און אין זיין גרימצאָרן— 23 ווּעלן אַלע פעלקער זאָגן: פאַרוואָס האָט גאָט געטאָן אַזוי צו דעמדאָזיקן לאַנד? וואָס איז דער־דאָזיקער גרויסער גרימצאָרן? 24 און מע ווּעט זאָגן: פאַרוואָס זיי האָבן פאַרלאָזן דעם בונד פון יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן, וואָס ער האָט מיט זיי געשלאָסן, ווען ער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם; 25 און זיי זענען געגאַנגען און האָבן געדינט פרעמדע געטער, און זיך געבוקט צו זיי, געטער וואָס זיי האָבן זיי ניט געקענט, און וואָס ער האָט זיי ניט אײַנגעטיילט. 26 און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף דעמדאָזיקן לאַנד, צו ברענגען דערויף די גאַנצע קללה וואָס שטייט געשריבן אין דעמדאָזיקן בוך. 27 און גאָט האָט זיי אַרויסגעריסן פון זייער ערד מיט רוגזה, און מיט גרימצאָרן, און מיט גרויס כּעס, און האָט זיי פאַרוואָרפן אין אַן אַנדער לאַנד, אַזוי ווי היינטיקן טאָג.

28 דאָס פאַרבאָרגענע איז ביי יהוה אונדזער גאָט, אָבער דאָס אַנטפּלעקטע איז פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינ־דער אויף אייביק—צו טאָן אַלע ווערטער פון דערדאָזיקער תּורה.

ל 1 און עס ווּעט זיין, אַז עס ווּעלן קומען אויף דיר אַלע דידאָזיקע זאַכן, די ברכה און די קללה, וואָס איך האָב גע־לייגט פאַר דיר, און ווּעסט דיר נעמען צום האַרצן, צווישן די אַלע פעלקער וואָס יהוה דיין גאָט האָט דיך אַהין פאַר־שטויסן, 2 און ווּעסט זיך אומקערן צו יהוה דיין גאָט, און ווּעסט צוהערן צו זיין קול, אַזוי ווי אַלץ וואָס איך באַפעל דיר

[א] ד. ה. אַלץ מיטאַנאַנדער.

בְּכָל־לְבָבְךָ וּבְכָל־נַפְשֶׁךָ׃ וְשָׁב יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֶת־שְׁבוּתְךָ ג
וְרִחֲמֶךָ וְשָׁב וְקִבֶּצְךָ מִכָּל־הָעַמִּים אֲשֶׁר הֱפִיצְךָ יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ שָׁמָּה׃ אִם־יִהְיֶה נִדַּחֲךָ בִּקְצֵה הַשָּׁמָיִם מִשָּׁם ד
יְקַבֶּצְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וּמִשָּׁם יִקָּחֶךָ׃ וֶהֱבִיאֲךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ ה
אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יָרְשׁוּ אֲבֹתֶיךָ וִירִשְׁתָּהּ וְהֵיטִבְךָ וְהִרְבְּךָ
מֵאֲבֹתֶיךָ׃ וּמָל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֶת־לְבָבְךָ וְאֶת־לְבַב זַרְעֶךָ ו
לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכָל־לְבָבְךָ וּבְכָל־נַפְשְׁךָ לְמַעַן
חַיֶּיךָ׃ וְנָתַן יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֵת כָּל־הָאָלוֹת הָאֵלֶּה עַל־ חמ׳ (של׳)
אֹיְבֶיךָ וְעַל־שֹׂנְאֶיךָ אֲשֶׁר רְדָפוּךָ׃ וְאַתָּה תָשׁוּב וְשָׁמַעְתָּ ח
בְּקוֹל יְהוָה וְעָשִׂיתָ אֶת־כָּל־מִצְוֺתָיו אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ
הַיּוֹם׃ וְהוֹתִירְךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכֹל ׀ מַעֲשֵׂה יָדֶךָ בִּפְרִי ט
בִטְנְךָ וּבִפְרִי בְהֶמְתְּךָ וּבִפְרִי אַדְמָתְךָ לְטֹבָה כִּי ׀ יָשׁוּב
יְהוָה לָשׂוּשׂ עָלֶיךָ לְטוֹב כַּאֲשֶׁר־שָׂשׂ עַל־אֲבֹתֶיךָ׃ כִּי י
תִשְׁמַע בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹר מִצְוֺתָיו וְחֻקֹּתָיו הַכְּתוּבָה
בְּסֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה כִּי תָשׁוּב אֶל־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכָל־
לְבָבְךָ וּבְכָל־נַפְשֶׁךָ׃ ס כִּי הַמִּצְוָה הַזֹּאת אֲשֶׁר ששי
אָנֹכִי מְצַוְּךָ הַיּוֹם לֹא־נִפְלֵאת הִוא מִמְּךָ וְלֹא־רְחֹקָה הִוא׃
לֹא בַשָּׁמַיִם הִוא לֵאמֹר מִי יַעֲלֶה־לָּנוּ הַשָּׁמַיְמָה וְיִקָּחֶהָ יב
לָּנוּ וְיַשְׁמִעֵנוּ אֹתָהּ וְנַעֲשֶׂנָּה׃ וְלֹא־מֵעֵבֶר לַיָּם הִוא לֵאמֹר יג
מִי יַעֲבָר־לָנוּ אֶל־עֵבֶר הַיָּם וְיִקָּחֶהָ לָּנוּ וְיַשְׁמִעֵנוּ אֹתָהּ
וְנַעֲשֶׂנָּה׃ כִּי־קָרוֹב אֵלֶיךָ הַדָּבָר מְאֹד בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ יד
לַעֲשֹׂתוֹ׃ ס רְאֵה נָתַתִּי לְפָנֶיךָ הַיּוֹם אֶת־הַחַיִּים שב׳–מפ׳ (רב׳)
וְאֶת־הַטּוֹב וְאֶת־הַמָּוֶת וְאֶת־הָרָע׃ אֲשֶׁר אָנֹכִי מְצַוְּךָ טז
הַיּוֹם לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לָלֶכֶת בִּדְרָכָיו וְלִשְׁמֹר
מִצְוֺתָיו וְחֻקֹּתָיו וּמִשְׁפָּטָיו וְחָיִיתָ וְרָבִיתָ וּבֵרַכְךָ יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ בָּאָרֶץ אֲשֶׁר־אַתָּה בָא־שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ׃ וְאִם־ יז
יִפְנֶה לְבָבְךָ וְלֹא תִשְׁמָע וְנִדַּחְתָּ וְהִשְׁתַּחֲוִיתָ לֵאלֹהִים
אֲחֵרִים וַעֲבַדְתָּם׃ הִגַּדְתִּי לָכֶם הַיּוֹם כִּי אָבֹד תֹּאבֵדוּן יח

היינט, דו און דיינע קינדער, מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער זעל, 3 וועט יהוה דיין גאָט אומקערן דיין געפאַנגענשאַפט, און ער וועט דיך דערבאַרימען, און וועט צוריק דיך איינזאַמלען פון אַלע אומות וואָס יהוה דיין גאָט האָט דיך אַהין צעשפּרייט. 4 אַז דיינע פאַרשטויסענע זאָלן זיין אין עק הימל, וועט דיך יהוה דיין גאָט פון דאָרטן איינזאַמלען, און וועט פון דאָרטן דיך נעמען. 5 און יהוה דיין גאָט וועט דיך ברענגען אין דעם לאַנד וואָס דיינע עלטערן האָבן געאַרבט, און וועסט עס אַרבן, און ער וועט דיך באַגיטיקן, און דיך מערן מער פון דיינע עלטערן. 6 און יהוה דיין גאָט וועט באַשניידן דיין האַרץ, און דאָס האַרץ פון דיינע קינדער, ליב צו האָבן יהוה דיין גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער זעל, כּדי זאָלסט לעבן. 7 און יהוה דיין גאָט וועט געבן אַלע די דאָזיקע קללות אויף דיינע פיינט, און אויף דיינע שׂונאים וואָס האָבן דיך געיאָגט. 8 און דו וועסט זיך אומקערן, און צוהערן צו דעם קול פון גאָט, און טאָן אַלע זיינע געבאָט וואָס איך געביט דיר היינט. 9 און יהוה דיין גאָט וועט דיר געבן אַ שֶפע אין יעטוועדער טואונג פון דיין האַנט, אין דער פרוכט פון דיין לייב, אין דער פרוכט פון דיין בהמה, און אין דער פרוכט פון דיין ערד צום גוטן; וואָרום גאָט וועט זיך ווידער פרייען מיט דיר צום גוטן, אַזוי ווי ער האָט זיך געפרייט מיט דיינע עלטערן; 10 אַז דו וועסט צוהערן צו דעם קול פון יהוה דיין גאָט, צו היטן זיינע געבאָט און זיינע געזעצן וואָס שטייען געשריבן אין דעמדאָזיקן בוך פון דער תּורה; אַז דו וועסט זיך אומקערן צו יהוה דיין גאָט מיט דיין גאַנצן האַרצן, און מיט דיין גאַנצער זעל. 11 וואָרום דאָסדאָזיקע געבאָט וואָס איך געביט דיר היינט, דאָס איז ניט פאַרהוילן פון דיר, און דאָס איז ניט צו ווייט. 12 ניט אויבן הימל איז דאָס, אַז דו זאָלסט זאָגן: ווער וועט אונדז אַרויפגיין אויפן הימל און עס נעמען פאַר אונדז, און עס אונדז לאָזן הערן, כּדי מיר זאָלן עס טאָן? 13 און ניט פון יענער זייט ים איז דאָס, אַז דו זאָלסט זאָגן: ווער וועט אונדז אַריבערגיין אויף יענער זייט ים, און עס נעמען פאַר אונדז, און דאָס אונדז לאָזן הערן, כּדי מיר זאָלן עס טאָן? 14 נייערט זייער נאָנט איז דאָס וואָרט צו דיר, אין דיין מויל, און אין דיין האַרצן, עס צו טאָן.

15 זע, איך האָב היינט געלייגט פאַר דיר לעבן און גוטס, און טויט און שלעכטס, 16 וואָס איך באַפעל דיר היינט ליב צו האָבן יהוה דיין גאָט, צו גיין אין זיינע וועגן, און צו היטן זיינע געבאָט און זיינע חוקים און זיינע געזעצן, כּדי זאָלסט לעבן און זיך מערן, און יהוה דיין גאָט זאָל דיך בענטשן אין דעם לאַנד וואָס דו קומסט אַהין, עס צו אַרבן. 17 אָבער אַז דיין האַרץ וועט זיך אָפּקערן, און וועסט ניט צוהערן, און וועסט אַראָפּגעפירט ווערן, און וועסט זיך בוקן צו פרעמדע געטער, און זיי דינען, 18 זאָג איך אייך היינט אָן, אַז אומטערגיין וועט איר אומטערגיין;

איר וועט ניט מַאֲריך־יָמים זיין אויף דער ערד וואָס דו
גייסט אַריבער דעם יַרדן צו קומען אַהין, זי צו אַרבן.
19 איך מאַך היינט עדות אַקעגן אייך הימל און ערד: לעבן
און טויט האָב איך געלייגט פאַר אייך, אַ ברכה און אַ
קללה, דרום זאָלסטו אויסוויילן דאָס לעבן, כדי זאָלסט
לעבן, דו און דיין זאָמען; 20 ליב צו האָבן יהוה דיין גאָט,
צוצוהערן צו זיין קָול, און זיך צו באַהעפטן אָן אים,
וואָרום דאָס איז דיין לעבן און דיין אַריכת־יָמים; כדי צו זיצן אויף דער ערד וואָס גאָט האָט געשוואָרן צו דיינע
עלטערן, צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן, זיי צו געבן.

לֹא־תַאֲרִיכֻן יָמִים עַל־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אַתָּה עֹבֵר אֶת־
יט הַיַּרְדֵּן לָבוֹא שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ׃ הַעִדֹתִי בָכֶם הַיּוֹם אֶת־
הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ הַחַיִּים וְהַמָּוֶת נָתַתִּי לְפָנֶיךָ הַבְּרָכָה
כ וְהַקְּלָלָה וּבָחַרְתָּ בַּחַיִּים לְמַעַן תִּחְיֶה אַתָּה וְזַרְעֶךָ׃ לְאַהֲבָה
אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ לִשְׁמֹעַ בְּקֹלוֹ וּלְדָבְקָה־בוֹ כִּי הוּא חַיֶּיךָ
וְאֹרֶךְ יָמֶיךָ לָשֶׁבֶת עַל־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבֹתֶיךָ
לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב לָתֵת לָהֶם׃ פ

# וַיֵּלֶךְ

## לא

לא 1 און משה איז געגאַנגען, און האָט גערעדט די
דאָזיקע ווערטער צו גאַנץ ישׂראל. 2 און ער
האָט צו זיי געזאָגט: אַ מאַן פון הונדערט און צוואַנציק
יאָר בין איך היינט; איך קען ניט מער אַרויסגיין און
אַריינגיין; און גאָט האָט צו מיר געזאָגט: וועסט ניט
אַריבערגיין דעמדאָזיקן יַרדן. 3 יהוה דיין גאָט, ער גייט
אַריבער דיר פאַרויס; ער וועט פאַרטיליקן דידאָזיקע
פעלקער פון פאַר דיר, און וועסט זיי ירשען; יהושעַ,
ער גייט אַריבער דיר פאַרויס, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.
4 און גאָט וועט טאָן צו זיי אַזוי ווי ער האָט געטאָן צו סיחון
און צו עוג, די מלכים פון אֶמורי, און צו זייער לאַנד, וואָס
ער האָט זיי פאַרטיליקט. 5 און גאָט וועט זיי איבערגעבן
צו אַייך, און איר וועט טאָן צו זיי אַזוי ווי אַלדאָס געבאָט
וואָס איך האָב אַייך געבאָטן. 6 זייט שטאַרק און פעסט,
איר זאָלט ניט מורא האָבן און זיך ניט שרעקן פאַר זיי,
וואָרום יהוה דיין גאָט, ער איז דער וואָס גייט מיט דיר;
ער וועט דיך ניט אָפּלאָזן און דיך ניט פאַרלאָזן.

7 און משה האָט גערופן יהושוען, און ער האָט צו אים געזאָגט פאַר די אויגן פון גאַנץ ישׂראל: זיי שטאַרק און פעסט, וואָרום דו וועסט קומען מיט דעמדאָזיקן פאָלק אין דעם לאַנד וואָס גאָט האָט געשוואָרן זייערע עלטערן זיי צו געבן, און דו וועסט עס זיי מאַכן אַרבן. 8 און גאָט, ער איז דער וואָס גייט דיר פאַרויס; ער וועט זיין מיט דיר, ער וועט דיך ניט אָפּלאָזן און דיך ניט פאַרלאָזן; זאָלסט ניט מורא האָבן און ניט אַנגסטן.

9 און משה האָט אויפגעשריבן דידאָזיקע תּורה, און האָט זי געגעבן צו די כּהנים, די קינדער פון לֵוִי, וואָס טראָגן דעם אָרון פון גאָטס בונד, און צו אַלע עלטסטע פון ישׂראל. 10 און משה האָט זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: צום סָוף פון אַלע זיבן

לא

א וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃
ב וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם בֶּן־מֵאָה וְעֶשְׂרִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם לֹא־
אוּכַל עוֹד לָצֵאת וְלָבוֹא וַיהוָה אָמַר אֵלַי לֹא תַעֲבֹר אֶת־
ג הַיַּרְדֵּן הַזֶּה׃ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ הוּא ׀ עֹבֵר לְפָנֶיךָ הוּא־יַשְׁמִיד
אֶת־הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִלְּפָנֶיךָ וִירִשְׁתָּם יְהוֹשֻׁעַ הוּא עֹבֵר
שני לְפָנֶיךָ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה׃ וְעָשָׂה יְהוָה לָהֶם כַּאֲשֶׁר עָשָׂה
לְסִיחוֹן וּלְעוֹג מַלְכֵי הָאֱמֹרִי וּלְאַרְצָם אֲשֶׁר הִשְׁמִיד אֹתָם׃
ה וּנְתָנָם יְהוָה לִפְנֵיכֶם וַעֲשִׂיתֶם לָהֶם כְּכָל־הַמִּצְוָה אֲשֶׁר
ו צִוִּיתִי אֶתְכֶם׃ חִזְקוּ וְאִמְצוּ אַל־תִּירְאוּ וְאַל־תַּעַרְצוּ מִפְּנֵיהֶם
כִּי ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ הוּא הַהֹלֵךְ עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא יַעַזְבֶךָּ׃
שלי (חמי) ס וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לִיהוֹשֻׁעַ וַיֹּאמֶר אֵלָיו לְעֵינֵי כָל־יִשְׂרָאֵל
חֲזַק וֶאֱמָץ כִּי אַתָּה תָּבוֹא אֶת־הָעָם הַזֶּה אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר
נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבֹתָם לָתֵת לָהֶם וְאַתָּה תַּנְחִילֶנָּה אוֹתָם׃
ח וַיהוָה הוּא ׀ הַהֹלֵךְ לְפָנֶיךָ הוּא יִהְיֶה עִמָּךְ לֹא יַרְפְּךָ וְלֹא
ט יַעַזְבֶךָּ לֹא תִירָא וְלֹא תֵחָת׃ וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֶת־הַתּוֹרָה
הַזֹּאת וַיִּתְּנָהּ אֶל־הַכֹּהֲנִים בְּנֵי לֵוִי הַנֹּשְׂאִים אֶת־אֲרוֹן
רבי בְּרִית יְהוָה וְאֶל־כָּל־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְצַו מֹשֶׁה אוֹתָם
לֵאמֹר מִקֵּץ ׀ שֶׁבַע שָׁנִים בְּמֹעֵד שְׁנַת הַשְּׁמִטָּה בְּחַג

ו׳ קמץ בסגולתא

יא הַסֻּכּוֹת׃ בְּבוֹא כָל־יִשְׂרָאֵל לֵרָאוֹת אֶת־פְּנֵי יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחָר תִּקְרָא אֶת־הַתּוֹרָה הַזֹּאת
יב נֶגֶד כָּל־יִשְׂרָאֵל בְּאָזְנֵיהֶם׃ הַקְהֵל אֶת־הָעָם הָאֲנָשִׁים
וְהַנָּשִׁים וְהַטַּף וְגֵרְךָ אֲשֶׁר בִּשְׁעָרֶיךָ לְמַעַן יִשְׁמְעוּ וּלְמַעַן
יִלְמְדוּ וְיָרְאוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְשָׁמְרוּ לַעֲשׂוֹת אֶת־
יג כָּל־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת׃ וּבְנֵיהֶם אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּ יִשְׁמְעוּ
וְלָמְדוּ לְיִרְאָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם כָּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר אַתֶּם
חַיִּים עַל־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים אֶת־הַיַּרְדֵּן שָׁמָּה
לְרִשְׁתָּהּ׃

פ

יד חמ׳ (שש׳) וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה הֵן קָרְבוּ יָמֶיךָ לָמוּת קְרָא אֶת־
יְהוֹשֻׁעַ וְהִתְיַצְּבוּ בְּאֹהֶל מוֹעֵד וַאֲצַוֶּנּוּ וַיֵּלֶךְ מֹשֶׁה וִיהוֹשֻׁעַ
טו וַיִּתְיַצְּבוּ בְּאֹהֶל מוֹעֵד׃ וַיֵּרָא יְהוָה בָּאֹהֶל בְּעַמּוּד עָנָן
טז וַיַּעֲמֹד עַמּוּד הֶעָנָן עַל־פֶּתַח הָאֹהֶל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־
מֹשֶׁה הִנְּךָ שֹׁכֵב עִם־אֲבֹתֶיךָ וְקָם הָעָם הַזֶּה וְזָנָה ׀ אַחֲרֵי ׀
אֱלֹהֵי נֵכַר־הָאָרֶץ אֲשֶׁר הוּא בָא־שָׁמָּה בְּקִרְבּוֹ וַעֲזָבַנִי
יז וְהֵפֵר אֶת־בְּרִיתִי אֲשֶׁר כָּרַתִּי אִתּוֹ׃ וְחָרָה אַפִּי בוֹ בַיּוֹם־
הַהוּא וַעֲזַבְתִּים וְהִסְתַּרְתִּי פָנַי מֵהֶם וְהָיָה לֶאֱכֹל וּמְצָאֻהוּ
רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת וְאָמַר בַּיּוֹם הַהוּא הֲלֹא עַל כִּי־
יח אֵין אֱלֹהַי בְּקִרְבִּי מְצָאוּנִי הָרָעוֹת הָאֵלֶּה׃ וְאָנֹכִי הַסְתֵּר
אַסְתִּיר פָּנַי בַּיּוֹם הַהוּא עַל כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר עָשָׂה
יט כִּי פָנָה אֶל־אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃ וְעַתָּה כִּתְבוּ לָכֶם אֶת־
הַשִּׁירָה הַזֹּאת וְלַמְּדָהּ אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שִׂימָהּ בְּפִיהֶם
כ ששי (שב׳) לְמַעַן תִּהְיֶה־לִּי הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְעֵד בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ כִּי־
אֲבִיאֶנּוּ אֶל־הָאֲדָמָה ׀ אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתִּי לַאֲבֹתָיו זָבַת חָלָב
וּדְבַשׁ וְאָכַל וְשָׂבַע וְדָשֵׁן וּפָנָה אֶל־אֱלֹהִים אֲחֵרִים
כא וַעֲבָדוּם וְנִאֲצוּנִי וְהֵפֵר אֶת־בְּרִיתִי׃ וְהָיָה כִּי־תִמְצֶאןָ
אֹתוֹ רָעוֹת רַבּוֹת וְצָרוֹת וְעָנְתָה הַשִּׁירָה הַזֹּאת לְפָנָיו לְעֵד
כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ כִּי יָדַעְתִּי אֶת־יִצְרוֹ אֲשֶׁר

יאָר, אין דער צייט פון דעם יאָר פון שמיטה, אין דעם יָום־טוב פון סוכות, 11 ווען גאַנץ ישׂראל קומט זיך ווייזן פאַר יהוה דיין גאָט, אין דעם אָרט וואָס ער וועט אויסדערוויילן, זאָלסטו לייענען דידאָזיקע תּורה פאַר גאַנץ ישׂראל אין זייערע אויערן. 12 זאַמל אַיין דאָס פאָלק, די מענער און די ווייבער און די קליינע קינדער, און דיין פרעמדן וואָס אין דיינע טויערן, כּדי זיי זאָלן הערן, און כּדי זיי זאָלן לערנען, און מורא האָבן פאַר יהוה אַייער גאָט, און היטן צו טאָן אַלע ווערטער פון דערדאָזיקער תּורה; 13 און זייערע קינדער וואָס האָבן ניט געוווּסט, זאָלן הערן, און לערנען מורא צו האָבן פאַר יהוה אַייער גאָט אַלע טעג וואָס איר לעבט אויף דער ערד וואָס איר גייט אַריבער דעם יַרדן אַהין, זי צו אַרבן.

14 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זע, דיינע טעג גענענען צום שטאַרבן, רוף יהושוען, און שטעלט אַייך אין אוהל־מועד, און איך וועל אים באַפעלן. זיינען געגאַנגען משה און יהושע, און האָבן זיך געשטעלט אין אוהל־מועד. 15 און גאָט האָט זיך באַוויזן אין געצעלט אין אַ וואָלקנזייל, און דער וואָלקנזייל איז געשטאַנען ביים אַיינגאַנג פון געצעלט. 16 און גאָט האָט געזאָגט צו משהן: זע, דו לייגסט זיך מיט דיינע עלטערן, און דאָסדאָזיקע פאָלק וועט אויפשטיין און זיך אָפּקערן נאָך די געטער פון די פרעמדע פון דעם לאַנד וואָס ער קומט אַהין צווישן זיי, און ער וועט מיך פאַרלאָזן, און פאַרשטערן מיין בונד וואָס איך האָב געשלאָסן מיט אים. 17 און מיין צאָרן וועט גרימען אויף אים אין יענעם טאָג, און איך וועל זיי פאַרלאָזן, און פאַרבאָרגן מיין פּנים פון זיי, און ער וועט זיין צום פאַרצערן, און אים וועלן טרעפן בייזן פיל און צרות, און ער וועט זאָגן אין יענעם טאָג: פאַרוואָר, ווייל מיין גאָט איז ניט צווישן מיר, האָבן מיך געטראָפן דידאָזיקע בייזן. 18 און פאַרבאָרגן וועל איך פאַרבאָרגן מיין פּנים אין יענעם טאָג, פאַר אַלעם בייזן וואָס ער האָט געטאָן, אַז ער האָט זיך געקערט צו פרעמדע געטער. 19 און אַצונד שרייבט אַייך אויף דאָסדאָזיקע געזאַנג, און לערן עס אויס די קינדער פון ישׂראל; טו עס אַריין אין זייער מויל, כּדי דאָסדאָזיקע געזאַנג זאָל מיר זיין צום עדות קעגן די קינדער פון ישׂראל. 20 אַז איך וועל אים ברענגען אויף דער ערד וואָס איך האָב צוגעשוואָרן זייערע עלטערן, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק, און ער וועט עסן און ווערן זאַט און פעט, און וועט זיך קערן צו פרעמדע געטער, און זיי וועלן זיי דינען, און וועלן מיך פאַראַכטן, און ער וועט פאַרשטערן מיין בונד, 21 איז, אַז אים וועלן טרעפן בייזן פיל און צרות, וועט דאָסדאָזיקע געזאַנג זיך אָפּרופן אים אין פּנים צום עדות, וואָרום עס וועט ניט פאַרגעסן ווערן פון דעם מויל פון זיין זאָמען; ווייל איך ווייס זיין

טָבע, ווי ער באַגייט זיך היינט, נאָך איידער איך האָב אים געבראַכט אין דעם לאַנד וואָס איך האָב צוגעשוואָרן.
[22] און משה האָט אויפגעשריבן דאָסדאָזיקע געזאַנג אין יענעם טאָג, און האָט עס אויסגעלערנט די קינדער פון ישראל. [23] און ער האָט באַפוילן יהושע דעם זון פון נון, און האָט געזאָגט: זיי שטאַרק און פעסט, וואָרום דו וועסט ברענגען די קינדער פון ישראל אין דעם לאַנד וואָס איך האָב זיי צוגעשוואָרן, און איך וועל זיין מיט דיר.
[24] און עס איז געווען, ווי משה האָט געענדיקט אויפשרייבן די ווערטער פון דערדאָזיקער תּורה אין אַ בוך, ביז זייער סוף, [25] אַזוי האָט משה באַפוילן די לוִיִם וואָס טראָגן דעם אָרון פון גאָטס בונד, אַזוי צו זאָגן: [26] נעמט דאָסדאָזיקע בוך פון דער תּורה, און איר זאָלט עס אַוועקלייגן ביין זייט פון דעם אָרון פון דעם בונד פון יהוה אייער גאָט, און עס זאָל דאָרטן זיין צום עדות קעגן דיר. [27] וואָרום איך קען דיין ווידערשפּעניקייט און דיין האַרטן נאַקן; זע, היינט, אַז איך לעב נאָך מיט אייך, זייט איר געווען ווידערשפּעניקער אַקעגן גאָט, און ווי שוין נאָך מיין טויט? [28] זאַמלט איין צו מיר אַלע עלטסטע פון אייערע שבטים, און אייערע אויפזעער, און איך וועל רעדן אין זייערע אויערן דידאָזיקע ווערטער, און וועל מאַכן הימל און ערד עדות קעגן זיי. [29] וואָרום איך ווייס, אַז פאַרדאַרבן וועט איר פאַרדאָרבן ווערן נאָך מיין טויט, און איר וועט זיך אָפּקערן פון דעם וועג וואָס איך האָב אייך באַפוילן, און אייך וועט געשען בייז אין סוף פון די טעג, ווייל איר וועט טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אים צו דערצערענען מיט דער טואונג פון אייערע הענט.
[30] און משה האָט גערעדט אין די אויערן פון דער גאַנצער איינזאַמלונג פון ישראל די ווערטער פון דעמדאָזיקן געזאַנג ביז זייער סוף.

הוּא עֹשֶׂה הַיּוֹם בְּטֶרֶם אֲבִיאֶנּוּ אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבָּעְתִּי׃
כב וַיִּכְתֹּב מֹשֶׁה אֶת־הַשִּׁירָה הַזֹּאת בַּיּוֹם הַהוּא וַיְלַמְּדָהּ
כג אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְצַו אֶת־יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן וַיֹּאמֶר חֲזַק
וֶאֱמָץ כִּי אַתָּה תָּבִיא אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־
כד נִשְׁבַּעְתִּי לָהֶם וְאָנֹכִי אֶהְיֶה עִמָּךְ׃ וַיְהִי ׀ כְּכַלּוֹת מֹשֶׁה
שב' לִכְתֹּב אֶת־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה־הַזֹּאת עַל־סֵפֶר עַד תֻּמָּם׃ וַיְצַו
כו מֹשֶׁה אֶת־הַלְוִיִּם נֹשְׂאֵי אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה לֵאמֹר׃ לָקֹחַ
אֵת סֵפֶר הַתּוֹרָה הַזֶּה וְשַׂמְתֶּם אֹתוֹ מִצַּד אֲרוֹן בְּרִית־
כז יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְהָיָה־שָׁם בְּךָ לְעֵד׃ כִּי אָנֹכִי יָדַעְתִּי אֶת־
מֶרְיְךָ וְאֶת־עָרְפְּךָ הַקָּשֶׁה הֵן בְּעוֹדֶנִּי חַי עִמָּכֶם הַיּוֹם מַמְרִים
מפ' הֱיִתֶם עִם־יְהוָה וְאַף כִּי־אַחֲרֵי מוֹתִי׃ הַקְהִילוּ אֵלַי אֶת־
כָּל־זִקְנֵי שִׁבְטֵיכֶם וְשֹׁטְרֵיכֶם וַאֲדַבְּרָה בְאָזְנֵיהֶם אֵת
הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וְאָעִידָה בָּם אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ׃
כט כִּי יָדַעְתִּי אַחֲרֵי מוֹתִי כִּי־הַשְׁחֵת תַּשְׁחִתוּן וְסַרְתֶּם מִן־
הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר צִוִּיתִי אֶתְכֶם וְקָרָאת אֶתְכֶם הָרָעָה בְּאַחֲרִית
הַיָּמִים כִּי־תַעֲשׂוּ אֶת־הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לְהַכְעִיסוֹ בְּמַעֲשֵׂה
ל יְדֵיכֶם׃ וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה בְּאָזְנֵי כָּל־קְהַל יִשְׂרָאֵל אֶת־דִּבְרֵי
הַשִּׁירָה הַזֹּאת עַד תֻּמָּם׃ פ

# הַאֲזִינוּ

## לב

[1] פאַרנעמט איר הימלען, און איך וועל רעדן,
און זאָל הערן די ערד די רייד פון מיין מויל.
[2] זאָל טריפן ווי רעגן מיין לערנונג,
זאָל רינען ווי טוי מיין וואָרט;
ווי אַ גוסרעגן אויף גראָז
און ווי שפּריירעגן אויף קרייטעכץ.
[3] וואָרום דעם נאָמען פון יהוה וועל איך רופן;
גיט גרויסקייט צו אונדזער גאָט.
[4] דער פעלז—זיין ווערק איז גאַנץ,
ווייל אַלע זיינע וועגן זיינען רעכט;
אַ גאָט פון געטריישאַפט, און אָן אומרעכט,
גערעכט און רעכטפאַרטיק איז ער.
[5] איז פון אים די פאַרדאַרבונג? ניין!
זיינע קינדער, זייערס איז דער פעלער;
אַ קרומער און פאַרדרייטער דור.

א הַאֲזִינוּ הַשָּׁמַיִם וַאֲדַבֵּרָה    וְתִשְׁמַע הָאָרֶץ אִמְרֵי־פִי׃
ב יַעֲרֹף כַּמָּטָר לִקְחִי    תִּזַּל כַּטַּל אִמְרָתִי
כִּשְׂעִירִם עֲלֵי־דֶשֶׁא    וְכִרְבִיבִים עֲלֵי־עֵשֶׂב׃
ג כִּי שֵׁם יְהוָה אֶקְרָא    הָבוּ גֹדֶל לֵאלֹהֵינוּ׃
ד הַצּוּר תָּמִים פָּעֳלוֹ    כִּי כָל־דְּרָכָיו מִשְׁפָּט
אֵל אֱמוּנָה וְאֵין עָוֶל    צַדִּיק וְיָשָׁר הוּא׃
ה שִׁחֵת לוֹ לֹא בָּנָיו מוּמָם    דּוֹר עִקֵּשׁ וּפְתַלְתֹּל׃

לא, כא׳ פתח בסיס    כג׳ קמץ בסגולתא    כח׳ בראש עמוד סימן ביה שמו

הַ לַיהוָה תִּגְמְלוּ־זֹאת עַם נָבָל וְלֹא חָכָם ו
הֲלוֹא־הוּא אָבִיךָ קָּנֶךָ הוּא עָשְׂךָ וַיְכֹנְנֶךָ׃
זְכֹר יְמוֹת עוֹלָם בִּינוּ שְׁנוֹת דֹּר־וָדֹר שני
שְׁאַל אָבִיךָ וְיַגֵּדְךָ זְקֵנֶיךָ וְיֹאמְרוּ לָךְ׃
בְּהַנְחֵל עֶלְיוֹן גּוֹיִם בְּהַפְרִידוֹ בְּנֵי אָדָם ח
יַצֵּב גְּבֻלֹת עַמִּים לְמִסְפַּר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
כִּי חֵלֶק יְהוָה עַמּוֹ יַעֲקֹב חֶבֶל נַחֲלָתוֹ׃ ט
יִמְצָאֵהוּ בְּאֶרֶץ מִדְבָּר וּבְתֹהוּ יְלֵל יְשִׁמֹן י
יְסֹבְבֶנְהוּ יְבוֹנְנֵהוּ יִצְּרֶנְהוּ כְּאִישׁוֹן עֵינוֹ׃
כְּנֶשֶׁר יָעִיר קִנּוֹ עַל־גּוֹזָלָיו יְרַחֵף יא
יִפְרֹשׂ כְּנָפָיו יִקָּחֵהוּ יִשָּׂאֵהוּ עַל־אֶבְרָתוֹ׃
יְהוָה בָּדָד יַנְחֶנּוּ וְאֵין עִמּוֹ אֵל נֵכָר׃ יב
יַרְכִּבֵהוּ עַל־בָּמֳתֵי אָרֶץ וַיֹּאכַל תְּנוּבֹת שָׂדָי של׳
וַיֵּנִקֵהוּ דְבַשׁ מִסֶּלַע וְשֶׁמֶן מֵחַלְמִישׁ צוּר׃
חֶמְאַת בָּקָר וַחֲלֵב צֹאן עִם־חֵלֶב כָּרִים יד
וְאֵילִים בְּנֵי־בָשָׁן וְעַתּוּדִים עִם־חֵלֶב כִּלְיוֹת חִטָּה
וְדַם־עֵנָב תִּשְׁתֶּה־חָמֶר׃ וַיִּשְׁמַן יְשֻׁרוּן וַיִּבְעָט טו
שָׁמַנְתָּ עָבִיתָ כָּשִׂיתָ וַיִּטֹּשׁ אֱלוֹהַ עָשָׂהוּ
וַיְנַבֵּל צוּר יְשֻׁעָתוֹ׃ יַקְנִאֻהוּ בְּזָרִים טז
בְּתוֹעֵבֹת יַכְעִיסֻהוּ׃ יִזְבְּחוּ לַשֵּׁדִים לֹא אֱלֹהַ יז
אֱלֹהִים לֹא יְדָעוּם חֲדָשִׁים מִקָּרֹב בָּאוּ
לֹא שְׂעָרוּם אֲבֹתֵיכֶם׃ צוּר יְלָדְךָ תֶּשִׁי יח
וַתִּשְׁכַּח אֵל מְחֹלְלֶךָ׃ וַיַּרְא יְהוָה וַיִּנְאָץ רב׳
מִכַּעַס בָּנָיו וּבְנֹתָיו׃ וַיֹּאמֶר אַסְתִּירָה פָנַי מֵהֶם כ
אֶרְאֶה מָה אַחֲרִיתָם כִּי דוֹר תַּהְפֻּכֹת הֵמָּה
בָּנִים לֹא־אֵמֻן בָּם׃ הֵם קִנְאוּנִי בְלֹא־אֵל כא
כִּעֲסוּנִי בְּהַבְלֵיהֶם וַאֲנִי אַקְנִיאֵם בְּלֹא־עָם

ו׳ הי רבתי והוא תיבה בפני עצמה   יג׳ ר יתירה   קמץ בז״ק   טו׳ קמץ בז״ק •
יז׳ חול   יח׳ י׳ זעירא   כא׳ חול   קמץ בז״ק

[6] ווילט איר אַזוי גאָט פאַרגעלטן,
געמיין און אומקלוג פאָלק?
איז ער ניט דיין פאָטער וואָס האָט דיך געשאַפן?
ער—וואָס האָט דיך געמאַכט און געפורעמט?

[7] געדענק די טעג פון פאַרצייטן,
באַטראַכט פון דור־דורות די יאָרן,
פרעג דיין פאָטער, ער זאָל דיר דערציילן,
דיינע זקנים, זיי זאָלן דיר זאָגן.
[8] ווען דער אויבערשטער האָט באַטיילט די אומות,
ווען ער האָט צעשיידט די קינדער פון מענטשן,
האָט ער געשטעלט די געמאַרקן פון פעלקער,
לויט דער צאָל פון די קינדער ישראלס.
[9] וואָרום דער חלק פון גאָט איז זיין פאָלק,
יעקב דער טייל פון זיין נחלה.
[10] ער האָט אים געפונען אין מדבר־לאַנד,
און אין וויסטן געוואָי פון דער ווילדערניש,
אים אַרומגערינגלט, אים אויפגעפּאַסט,
אים אָפּגעהיט ווי זיין אויגאַפּל.
[11] ווי אַן אָדלער וועקט זיין נעסט,
פלאַטערט איבער זיינע יונגע,
שפּרייט זיינע פלעדערן און נעמט זיי,
טראָגט זיי אויף זיין פליגל—
[12] האָט יהוה אַליין אים געפירט,
און ניט געווען מיט אים אַ פרעמדער גאָט.
[13] ער האָט אים געזעצט אויף די הייכן פון דער ערד,
און ער האָט געגעסן די פּרוכטן פון פעלד;
און ער האָט אים געמאַכט זויגן האָניק פון פעלז,
און אייל פון קיזלשטיין;
[14] שמאַנט פון רינדער, און מילך פון שאָף,
מיט פעטס פון לעמער,
און ווידערס פון בָּשָׁן און בעק,
מיט נירנפעטס פון ווייץ;
און פון טרויבנבלוט טרינקסטו שוימיקן וויין.
[15] און ישורון איז פעט געוואָרן און האָט געבריקעט—
ביסט פעט, ביסט דיק, ביסט גראָב געוואָרן;
און ער האָט פאַרלאָזט גאָט וואָס האָט אים באַשאַפן,
און געשענדט דעם פעלז פון זיין הילף.
[16] זיי האָבן אים דערצערנט מיט פרעמדגעטער,
מיט אומווערדיקייטן אים דערבייזערט.
[17] זיי האָבן געשלאַכט צו שדים, אומגעטער,
געטער וואָס זיי האָבן זיי ניט געקענט,
נייע אָקאָרשט געקומענע,
וואָס אַייערע עלטערן האָבן זיך פאַר זיי ניט געפאָרכט.
[18] אָן דעם פעלז וואָס האָט דיך געבאָרן האָסטו ניט געדאַכט,
און פאַרגעסן דעם גאָט וואָס האָט דיך געהאַט.

[19] און יהוה האָט געזען און האָט פאַראַכט,
איבער דער דערצערענונג פון זיינע זין און זיינע טעכטער.
[20] און ער האָט געזאָגט: איך וועל פאַרבאָרגן מיין פּנים פון זיי.
איך וועל זען וואָס וועט זיין זייער סוף;
וואָרום אַ פאַרקערטער דור זיינען זיי,
קינדער אָן טריישאַפט אין זיי.
[21] זיי האָבן מיך דערצערנט מיט אַן אומגאָט,
מיך דערבייזערט מיט זייערע נישטיקייטן,
און איך וועל זיי דערצערענען מיט אַן אומפאָלק,
מיט אַ געמיינער אומה וועל איך זיי דערבייזערן.

כב בְּגוֹי נָבָל אַכְעִיסֵם׃ כִּי־אֵשׁ קָדְחָה בְאַפִּי
וַתִּיקַד עַד־שְׁאוֹל תַּחְתִּית וַתֹּאכַל אֶרֶץ וִיבֻלָהּ
כג וַתְּלַהֵט מוֹסְדֵי הָרִים׃ אַסְפֶּה עָלֵימוֹ רָעוֹת
כד חִצַּי אֲכַלֶּה־בָּם׃ מְזֵי רָעָב וּלְחֻמֵי רֶשֶׁף
וְקֶטֶב מְרִירִי וְשֶׁן־בְּהֵמֹת אֲשַׁלַּח־בָּם
כה עִם־חֲמַת זֹחֲלֵי עָפָר׃ מִחוּץ תְּשַׁכֶּל־חֶרֶב
וּמֵחֲדָרִים אֵימָה גַּם־בָּחוּר גַּם־בְּתוּלָה
כו יוֹנֵק עִם־אִישׁ שֵׂיבָה׃ אָמַרְתִּי אַפְאֵיהֶם
כז אַשְׁבִּיתָה מֵאֱנוֹשׁ זִכְרָם׃ לוּלֵי כַּעַס אוֹיֵב אָגוּר
פֶּן־יְנַכְּרוּ צָרֵימוֹ פֶּן־יֹאמְרוּ יָדֵנוּ רָמָה
כח וְלֹא יְהוָה פָּעַל כָּל־זֹאת׃ כִּי־גוֹי אֹבַד עֵצוֹת הֵמָּה
חמ׳ וְאֵין בָּהֶם תְּבוּנָה׃ לוּ חָכְמוּ יַשְׂכִּילוּ זֹאת
ל יָבִינוּ לְאַחֲרִיתָם׃ אֵיכָה יִרְדֹּף אֶחָד אֶלֶף
וּשְׁנַיִם יָנִיסוּ רְבָבָה אִם־לֹא כִּי־צוּרָם מְכָרָם
לא וַיהוָה הִסְגִּירָם׃ כִּי לֹא כְצוּרֵנוּ צוּרָם
לב וְאֹיְבֵינוּ פְּלִילִים׃ כִּי־מִגֶּפֶן סְדֹם גַּפְנָם
וּמִשַּׁדְמֹת עֲמֹרָה עֲנָבֵמוֹ עִנְּבֵי־רוֹשׁ
לג אַשְׁכְּלֹת מְרֹרֹת לָמוֹ׃ חֲמַת תַּנִּינִם יֵינָם
לד וְרֹאשׁ פְּתָנִים אַכְזָר׃ הֲלֹא הוּא כָּמֻס עִמָּדִי
לה חָתוּם בְּאוֹצְרֹתָי׃ לִי נָקָם וְשִׁלֵּם
לְעֵת תָּמוּט רַגְלָם כִּי קָרוֹב יוֹם אֵידָם
לו וְחָשׁ עֲתִדֹת לָמוֹ׃ כִּי־יָדִין יְהוָה עַמּוֹ
וְעַל־עֲבָדָיו יִתְנֶחָם כִּי יִרְאֶה כִּי־אָזְלַת יָד
לז וְאֶפֶס עָצוּר וְעָזוּב׃ וְאָמַר אֵי אֱלֹהֵימוֹ
לח צוּר חָסָיוּ בוֹ׃ אֲשֶׁר חֵלֶב זְבָחֵימוֹ יֹאכֵלוּ
יִשְׁתּוּ יֵין נְסִיכָם יָקוּמוּ וְיַעְזְרֻכֶם
לט יְהִי עֲלֵיכֶם סִתְרָה׃ רְאוּ ׀ עַתָּה כִּי אֲנִי אֲנִי הוּא

22 וואָרום אַ פייער איז אָנגעצונדן אין מיין נאָז,
און עס ברענט ביז דער טיפער אונטערערד,
און פאַרצערט די ערד מיט איר געוועקס,
און צעפלאַמט די גרונטפעסטן פון די בערג.
23 איך וועל אויסלאָזן אויף זיי בייזן,
איך וועל מיינע פיילן פאַרלענדן אויף זיי:
24 דאַרונג פון הונגער, און צערונג פון היץ,
און ביטערע פעסט;
און דעם צאָן פון חיות וועל איך שיקן אויף זיי,
מיט גיפט פון די שטויבקריכערס.
25 דרויסן וועט אַוועקנעמען די שווערד,
און אין די קאַמערן די אימה;
אי דעם בָחור אי די מיידל,
דעם זויגעדיקן מיטן גרייזגראָען מאַן.

26 איך וואָלט געזאָגט: איך וועל זיי פאַרלענדן,
איך וועל פאַרטיליקן פון מענטשן זייער זָכר;
27 ווען איך פאָרכט ניט דעם שׂונאס דערצערעַוונג,
זייערע פיינט זאָלן ניט אויסלייגן פאַלש;
ניט זאָגן: אונדזער האַנט איז דערהויבן,
און ניט יהוה האָט דאָס אַלצדינג געטאָן.

28 וואָרום אַ פאָלק אָן באַראָט זיינען זיי,
און ניטאָ קיין פאַרשטאַנדיקייט אין זיי.
29 אַז זיי וואָלטן קלוג געווען, וואָלטן זיי דאָס באַטראַכט,
זיי וואָלטן באַקלערט זייער סָוף:
30 ווי קען איינער יאָגן טויזנט,
און צוויי פאַרטרייבן צען טויזנט,
ווען ניט זייער פעלז האָט זיי איבערגעגעבן,
און יהוה האָט זיי איבערגעענטפערט?
31 וואָרום ניט ווי אונדזער פעלז איז זייער פעלז;
און מעגן אונדזערע שׂונאים אַנטשיידן.
32 וואָרום פון וויינשטאָק פון סדום איז זייער וויינשטאָק,
און פון די פעלדער פון עַמוֹרָה;
זייערע טרויבן זיינען טרויבן פון גיפט,
ביטערע הענגלעך זיינען ביי זיי.
33 סם פון שלאַנגען איז זייער וויין,
און אומדערבאַרימדיק פּיפּערנאָטערגיפט.

34 פאַרוואָר, דאָס איז באַהאַלטן ביי מיר,
פאַרחתמעט אין מיינע שאַצקאַמערן;
35 איך האַלט נקמה און באַצאָלונג
פאַר דער צייט ווען זייער פוס וועט זיך אויסגליטשן;
וואָרום נאָנט איז דער טאָג פון זייער בראָך,
און אַיילִיק קומט וואָס איז אָנגעברייט פאַר זיי.
36 וואָרום גאָט וועט זיך אָננעמען פאַר זיין פאָלק,
און אויף זיינע קנעכט זיך דערבאַרימען,
ווען ער זעט אַז אויסגעגאַנגען איז די קראַפט,
און קיין מוטערמענטש איז ניטאָ;
37 און מע זאָגט: ווו זיינען זייערע געטער,
דער פעלז וואָס זיי האָבן זיך געשיצט אין אים?
38 וואָס האָבן דאָס פעטס פון זייערע שלאַכטאָפּפער געגעסן,
געטרונקען דעם וויין פון זייער גיסאָפּפער?
זאָלן זיי אויפשטיין און אַייך העלפן;
זאָל ער זיין איבער אַייך אַ פאַרבאָרגעניש.

39 זעט אַצונד אַז איך, איך בין דאָס,

וְאֵין אֱלֹהִים עִמָּדִי אֲנִי אָמִית וַאֲחַיֶּה
מָחַצְתִּי וַאֲנִי אֶרְפָּא וְאֵין מִיָּדִי מַצִּיל׃
כִּי־אֶשָּׂא אֶל־שָׁמַיִם יָדִי וְאָמַרְתִּי חַי אָנֹכִי לְעֹלָם׃ ששי
אִם־שַׁנּוֹתִי בְּרַק חַרְבִּי וְתֹאחֵז בְּמִשְׁפָּט יָדִי מא
אָשִׁיב נָקָם לְצָרָי וְלִמְשַׂנְאַי אֲשַׁלֵּם׃
אַשְׁכִּיר חִצַּי מִדָּם וְחַרְבִּי תֹּאכַל בָּשָׂר מב
מִדַּם חָלָל וְשִׁבְיָה מֵרֹאשׁ פַּרְעוֹת אוֹיֵב׃
הַרְנִינוּ גוֹיִם עַמּוֹ כִּי דַם־עֲבָדָיו יִקּוֹם מג
וְנָקָם יָשִׁיב לְצָרָיו וְכִפֶּר אַדְמָתוֹ עַמּוֹ׃
פ

וַיָּבֹא מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר אֶת־כָּל־דִּבְרֵי הַשִּׁירָה־הַזֹּאת בְּאָזְנֵי הָעָם שב׳
הוּא וְהוֹשֵׁעַ בִּן־נוּן׃ וַיְכַל מֹשֶׁה לְדַבֵּר אֶת־כָּל־הַדְּבָרִים מה
הָאֵלֶּה אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם שִׂימוּ לְבַבְכֶם מו
לְכָל־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר אָנֹכִי מֵעִיד בָּכֶם הַיּוֹם אֲשֶׁר תְּצַוֻּם
אֶת־בְּנֵיכֶם לִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת אֶת־כָּל־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַזֹּאת׃
כִּי לֹא־דָבָר רֵק הוּא מִכֶּם כִּי־הוּא חַיֵּיכֶם וּבַדָּבָר הַזֶּה מז
תַּאֲרִיכוּ יָמִים עַל־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר אַתֶּם עֹבְרִים אֶת־הַיַּרְדֵּן
שָׁמָּה לְרִשְׁתָּהּ׃ פ
וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה בְּעֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה לֵאמֹר׃ עֲלֵה מפ׳ מח
אֶל־הַר הָעֲבָרִים הַזֶּה הַר־נְבוֹ אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ מוֹאָב אֲשֶׁר
עַל־פְּנֵי יְרֵחוֹ וּרְאֵה אֶת־אֶרֶץ כְּנַעַן אֲשֶׁר אֲנִי נֹתֵן לִבְנֵי
יִשְׂרָאֵל לַאֲחֻזָּה׃ וּמֻת בָּהָר אֲשֶׁר אַתָּה עֹלֶה שָׁמָּה וְהֵאָסֵף נ
אֶל־עַמֶּיךָ כַּאֲשֶׁר־מֵת אַהֲרֹן אָחִיךָ בְּהֹר הָהָר וַיֵּאָסֶף אֶל־
עַמָּיו׃ עַל אֲשֶׁר מְעַלְתֶּם בִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּמֵי־מְרִיבַת נא
קָדֵשׁ מִדְבַּר־צִן עַל אֲשֶׁר לֹא־קִדַּשְׁתֶּם אוֹתִי בְּתוֹךְ בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל׃ כִּי מִנֶּגֶד תִּרְאֶה אֶת־הָאָרֶץ וְשָׁמָּה לֹא תָבוֹא אֶל־ נב
הָאָרֶץ אֲשֶׁר־אֲנִי נֹתֵן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ פ

לט׳ חול מא׳ קמץ בז״ק

---

און ניטאָ קיין גאָט מיט מיר;
איך טייט און מאַך לעבעדיק,
איך פאַרוווּנד און איך היייל,
און פון מיין האַנט איז ניטאָ ווער זאָל מציל זיין.
40 וואָרום איך הייב צום הימל מיין האַנט,
און זאָג: אַזוי ווי איך לעב אייביק,
41 ווען איך שאַרף דעם בליץ פון מיין שווערד,
און מיין האַנט וועט צום משפט זיך נעמען,
וועל איך אומקערן נקמה צו מיינע פיינט,
און מיינע שׂונאים וועל איך באַצאָלן.
42 איך וועל אָנשיכּורן מיינע פיילן מיט בלוט,
און מיין שווערד וועט זיך אָנעסן מיט פלייש—
מיט בלוט פון דערשלאָגענע און געפאַנגענע,
מיט די לאַנגהאָריקע קעפּ פון דעם פיינט.
43 באַזינגט, איר אומות, זיין פאָלק,
וואָרום פאַרן בלוט פון זיינע קנעכט וועט ער זיך נוקם זיין,
און נקמה וועט ער אומקערן צו זיינע פיינט,
און פאַרגיטיקן זיין לאַנד און זיין פאָלק.

44 און משה איז געקומען און האָט גערעדט אַלע ווערטער פון דעמדאָזיקן געזאַנג אין די אויערן פון פאָלק, ער און יהושע דער זון פון נון. 45 און ווי משה האָט געענדיקט רעדן אַלע דידאָזיקע ווערטער צו גאַנץ ישראל, 46 האָט ער צו זיי געזאָגט: לייגט צו אייער האַרץ צו אַלע ווערטער וואָס איך זאָג אייך היינט אָן, אַז איר זאָלט זיי באַפעלן צו אייערע קינדער, צו היטן צו טאָן אַלע ווערטער פון דערדאָזיקער תּורה. 47 וואָרום דאָס איז ניט אַ הויל גערייד פאַר אייך, נייערט דאָס איז אייער לעבן, און דורך דערדאָזיקער זאַך וועט איר מאַריך־ימים זיין אויף דער ערד וואָס איר גייט אַהין אַריבער דעם ירדן, זי צו אַרבן.

48 און גאָט האָט גערעדט אין דעמדאָזיקן אייגענעם טאָג צו משהן, אַזוי צו זאָגן: 49 גיי אַרויף צו דעמדאָזיקן באַרג עֲבָרים, דעם באַרג נבו וואָס אין לאַנד מואָב, וואָס אַקעגן יריחו, און קוק אָן דאָס לאַנד כּנַען וואָס איך גיב צו די קינדער פון ישׂראל פאַר אַן אייגנטום. 50 און שטאַרב אויף דעם באַרג וואָס דו גייסט אַהין אַרויף, און ווער אײַנגעזאַמלט צו דיין פאָלק, אַזוי ווי דיין ברודער אַהרן איז געשטאָרבן אויפן באַרג הור, און איז אײַנגעזאַמלט געוואָרן צו זיין פאָלק. 51 פאַר־וואָס איר האָט געפעלשט אָן מיר צווישן די קינדער פון ישׂראל, ביים וואַסער פון מריבת־קדש, אין מדבר צן, פאַרוואָס איר האָט מיך ניט געהייליקט צווישן די קינדער פון ישׂראל. 52 נאָר פון דער ווייטן וועסטו זען דאָס לאַנד, אָבער קומען אַהין וועסטו ניט, אין דעם לאַנד וואָס איך גיב צו די קינדער פון ישׂראל.

# וְזֹאת הַבְּרָכָה

לג

א וְזֹאת הַבְּרָכָה אֲשֶׁר בֵּרַךְ מֹשֶׁה אִישׁ הָאֱלֹהִים אֶת־בְּנֵי
ב יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי מוֹתוֹ: וַיֹּאמַר יְהוָה מִסִּינַי בָּא וְזָרַח מִשֵּׂעִיר
לָמוֹ הוֹפִיעַ מֵהַר פָּארָן וְאָתָה מֵרִבְבֹת קֹדֶשׁ מִימִינוֹ אֵשְׁדָּת
ג לָמוֹ: אַף חֹבֵב עַמִּים כָּל־קְדֹשָׁיו בְּיָדֶךָ וְהֵם תֻּכּוּ לְרַגְלֶךָ
ד יִשָּׂא מִדַּבְּרֹתֶיךָ: תּוֹרָה צִוָּה־לָנוּ מֹשֶׁה מוֹרָשָׁה קְהִלַּת
ה יַעֲקֹב: וַיְהִי בִישֻׁרוּן מֶלֶךְ בְּהִתְאַסֵּף רָאשֵׁי עָם יַחַד שִׁבְטֵי
ו ז יִשְׂרָאֵל: יְחִי רְאוּבֵן וְאַל־יָמֹת וִיהִי מְתָיו מִסְפָּר: ס וְזֹאת
לִיהוּדָה וַיֹּאמַר שְׁמַע יְהוָה קוֹל יְהוּדָה וְאֶל־עַמּוֹ תְּבִיאֶנּוּ
יָדָיו רָב לוֹ וְעֵזֶר מִצָּרָיו תִּהְיֶה: פ
שני וּלְלֵוִי אָמַר תֻּמֶּיךָ וְאוּרֶיךָ לְאִישׁ חֲסִידֶךָ אֲשֶׁר נִסִּיתוֹ
ט בְּמַסָּה תְּרִיבֵהוּ עַל־מֵי מְרִיבָה: הָאֹמֵר לְאָבִיו וּלְאִמּוֹ
לֹא רְאִיתִיו וְאֶת־אֶחָיו לֹא הִכִּיר וְאֶת־בָּנוֹ לֹא יָדָע כִּי שָׁמְרוּ
י אִמְרָתֶךָ וּבְרִיתְךָ יִנְצֹרוּ: יוֹרוּ מִשְׁפָּטֶיךָ לְיַעֲקֹב וְתוֹרָתְךָ
יא לְיִשְׂרָאֵל יָשִׂימוּ קְטוֹרָה בְּאַפֶּךָ וְכָלִיל עַל־מִזְבְּחֶךָ: בָּרֵךְ
יְהוָה חֵילוֹ וּפֹעַל יָדָיו תִּרְצֶה מְחַץ מָתְנַיִם קָמָיו וּמְשַׂנְאָיו
יב מִן־יְקוּמוּן: ס לְבִנְיָמִן אָמַר יְדִיד יְהוָה יִשְׁכֹּן לָבֶטַח
של׳ עָלָיו חֹפֵף עָלָיו כָּל־הַיּוֹם וּבֵין כְּתֵפָיו שָׁכֵן: ס וּלְיוֹסֵף
אָמַר מְבֹרֶכֶת יְהוָה אַרְצוֹ מִמֶּגֶד שָׁמַיִם מִטָּל וּמִתְּהוֹם רֹבֶצֶת
יד טו תָּחַת: וּמִמֶּגֶד תְּבוּאֹת שָׁמֶשׁ וּמִמֶּגֶד גֶּרֶשׁ יְרָחִים: וּמֵרֹאשׁ
טז הַרְרֵי־קֶדֶם וּמִמֶּגֶד גִּבְעוֹת עוֹלָם: וּמִמֶּגֶד אֶרֶץ וּמְלֹאָהּ
וּרְצוֹן שֹׁכְנִי סְנֶה תָּבוֹאתָה לְרֹאשׁ יוֹסֵף וּלְקָדְקֹד נְזִיר
יז אֶחָיו: בְּכוֹר שׁוֹרוֹ הָדָר לוֹ וְקַרְנֵי רְאֵם קַרְנָיו בָּהֶם עַמִּים
יְנַגַּח יַחְדָּו אַפְסֵי־אָרֶץ וְהֵם רִבְבוֹת אֶפְרַיִם וְהֵם אַלְפֵי
רב׳ מְנַשֶּׁה: ס וְלִזְבוּלֻן אָמַר שְׂמַח זְבוּלֻן בְּצֵאתֶךָ וְיִשָּׂשכָר
יט בְּאֹהָלֶיךָ: עַמִּים הַר־יִקְרָאוּ שָׁם יִזְבְּחוּ זִבְחֵי־צֶדֶק כִּי שֶׁפַע

ב׳ תרין מלין קרי   ה׳ קמץ בז״ק   ז׳ רב בקמץ   ט׳ בנו קרי
יג׳ קמץ בז״ק   יט׳ קמץ בז״ק

**לג** 1 און דאָס איז די ברכה וואָס משה דער געט־לעכער מאַן האָט געבענטשט די קינדער פון ישראל פאַר זיין טויט. און ער האָט געזאָגט:

2 גאָט איז פון סיני געקומען,
און אויפגעשיינט פון שֵׂעִיר אויף זיי;
ער האָט אַרויסגעשטראַלט פון באַרג פּאָרָן,
און געקומען פון די הייליקע צענטויזנטן,
אין זיין רעכטער האַנט אַ פייערדיק געזעץ פאַר זיי.
3 יאָ, דו ליבהאָבער פון די שבטים,
אַלע זייערע הייליקע זיינען ביי דיין האַנט;
און זיי ליגן צו דיינע פיס,
זיי נעמען אויף דיינע רייד.
4 „אַ תּורה האָט אונדז משה באַפוילן,
אַ ירושה פאַר דער אַיינזאַמלונג פון יעקב".
5 און אַ מלך איז געווען אין ישורון,
ווען די קעפּ פון פאָלק האָבן זיך פאַרזאַמלט,
אין איינעם אַלע שבטים פון ישראל.

6 לעבן זאָל ראובן און ניט שטאַרבן,
און זיינע מענטשן זאָלן ניט זיין געציילטע.

7 און דאָס אויף יהודה; און ער האָט געזאָגט:
הער צו, גאָט, דעם קול פון יהודה,
און צו זיין פאָלק זאָלסטו אים ברענגען;
זיינע הענט זאָלן פאַר אים שטרייטן,
און אַ הילף פון זיינע פיינט זאָלסטו זיין.

8 און אויף לֵוִי האָט ער געזאָגט:
דיינע אורים־ותומים צו דיין פרומען מאַן,
וואָס דו האָסט אים אין מַסָּה געפּרווט,
אים געשטראָפט פאַרן וואַסער פון מריבָה;
9 וואָס האָט געזאָגט אויף זיין פאָטער און אויף זיין מוטער:
איך האָב זיי ניט געזען;
און האָט זיינע ברידער ניט דערקענט,
און זיינע קינדער ניט געוואָלט וויסן;
וואָרום זיי האָבן געהיט דיין וואָרט,
און דיין בונד האָבן זיי געהאַלטן.
10 זיי לערנען דיינע געזעצן יעקבן,
און דיין תּורה ישראלן;
זיי טוען ווייררויך אין דיין נאָז,
און גאַנצאָפּפער אויף דיין מזבח.
11 בענטש, גאָט, זיין פאַרמעג,
און דאָס ווערק פון זיינע הענט זאָלסטו באַוויליקן;
צעהאַק די לענדן פון זיינע פיינט,
אַז זיינע שׂונאים זאָלן ניט אויפשטיין.

12 אויף בנימין האָט ער געזאָגט:
דער באַליבטער פון גאָט
וועט רוען ביי אים אין זיכערקייט;
ער באַשירעמט אים אַ גאַנצן טאָג,
און צווישן זיינע אַקסלען טוט ער רוען.

13 און אויף יוסף האָט ער געזאָגט:
געבענטשט פון גאָט זאָל זיין לאַנד זיין,
מיטן טייערסטן פון הימל, מיט טוי,
און מיטן תּהום וואָס הויערט אונטן;
14 און מיט טייערסטע פרוכטן פון זון,
און מיט טייערסטן געוועקס פון לבנה;
15 און מיטן בעסטן פון די אַלטע בערג,
און מיטן טייערסטן פון די אייביקע הייכן;
16 און מיטן טייערסטן פון דער ערד און איר פולקייט,
און באַוויליקונג פון דעם וואָס האָט אין דאָרן גערוטא[א].
זאָל עס קומען אויפן קאָפּ פון יוסף,
און אויפן שפּיץ קאָפּ פון דעם פירשט פון זיינע ברידער.
17 זיין ערשטגעבאָרענער אָקס, ער האָט פראַכט,
און הערנער פון אַ ווילדטיר זיינען זיינע הערנער;
מיט זיי וועט ער שטויסן די פעלקער,
די עקן פון דער ערד מיטאַנאַנדער;
און דאָס זיינען די צענטויזנטן פון אפרים,
און דאָס זיינען די טויזנטן פון מנשה.

18 און אויף זבולון האָט ער געזאָגט:
פריי זיך, זבולון, ביי דיין אַרויסגיין,
און יִשָּׂשכָר, אין דיינע געצעלטן.
19 פעלקער וועלן זיך טרעפן אויפן באַרג,
דאָרט וועלן זיי שלאַכטן שלאַכטאָפּפער פון גערעכטיקייט;

[א] זע שמות ג, 2—4.

כ יַמִּים יִינָקוּ וּשְׂפֻנֵי טְמוּנֵי חוֹל׃ ס וּלְגָד אָמַר בָּרוּךְ
כא מַרְחִיב גָּד כְּלָבִיא שָׁכֵן וְטָרַף זְרוֹעַ אַף־קָדְקֹד׃ וַיַּרְא
רֵאשִׁית לוֹ כִּי־שָׁם חֶלְקַת מְחֹקֵק סָפוּן וַיֵּתֵא רָאשֵׁי עָם
חמ' צִדְקַת יְהוָה עָשָׂה וּמִשְׁפָּטָיו עִם־יִשְׂרָאֵל׃ ס וּלְדָן אָמַר
כג דָּן גּוּר אַרְיֵה יְזַנֵּק מִן־הַבָּשָׁן׃ וּלְנַפְתָּלִי אָמַר נַפְתָּלִי שְׂבַע
כד רָצוֹן וּמָלֵא בִּרְכַּת יְהוָה יָם וְדָרוֹם יְרָשָׁה׃ ס וּלְאָשֵׁר
אָמַר בָּרוּךְ מִבָּנִים אָשֵׁר יְהִי רְצוּי אֶחָיו וְטֹבֵל בַּשֶּׁמֶן רַגְלוֹ׃
כה כו בַּרְזֶל וּנְחֹשֶׁת מִנְעָלֶךָ וּכְיָמֶיךָ דָּבְאֶךָ׃ אֵין כָּאֵל יְשֻׁרוּן
ששי רֹכֵב שָׁמַיִם בְּעֶזְרֶךָ וּבְגַאֲוָתוֹ שְׁחָקִים׃ מְעֹנָה אֱלֹהֵי קֶדֶם
וּמִתַּחַת זְרֹעֹת עוֹלָם וַיְגָרֶשׁ מִפָּנֶיךָ אוֹיֵב וַיֹּאמֶר הַשְׁמֵד׃
כח וַיִּשְׁכֹּן יִשְׂרָאֵל בֶּטַח בָּדָד עֵין יַעֲקֹב אֶל־אֶרֶץ דָּגָן וְתִירוֹשׁ
כט אַף־שָׁמָיו יַעַרְפוּ־טָל׃ אַשְׁרֶיךָ יִשְׂרָאֵל מִי כָמוֹךָ עַם נוֹשַׁע
בַּיהוָה מָגֵן עֶזְרֶךָ וַאֲשֶׁר־חֶרֶב גַּאֲוָתֶךָ וְיִכָּחֲשׁוּ אֹיְבֶיךָ לָךְ
וְאַתָּה עַל־בָּמוֹתֵימוֹ תִדְרֹךְ׃ ס

## לד

שב' וַיַּעַל מֹשֶׁה מֵעַרְבֹת מוֹאָב אֶל־הַר נְבוֹ רֹאשׁ הַפִּסְגָּה אֲשֶׁר
עַל־פְּנֵי יְרֵחוֹ וַיַּרְאֵהוּ יְהוָה אֶת־כָּל־הָאָרֶץ אֶת־הַגִּלְעָד עַד־
ב דָּן׃ וְאֵת כָּל־נַפְתָּלִי וְאֶת־אֶרֶץ אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה וְאֵת כָּל־
ג אֶרֶץ יְהוּדָה עַד הַיָּם הָאַחֲרוֹן׃ וְאֶת־הַנֶּגֶב וְאֶת־הַכִּכָּר
ד בִּקְעַת יְרֵחוֹ עִיר הַתְּמָרִים עַד־צֹעַר׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו
זֹאת הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי לְאַבְרָהָם לְיִצְחָק וּלְיַעֲקֹב
לֵאמֹר לְזַרְעֲךָ אֶתְּנֶנָּה הֶרְאִיתִיךָ בְעֵינֶיךָ וְשָׁמָּה לֹא תַעֲבֹר׃
ה וַיָּמָת שָׁם מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה בְּאֶרֶץ מוֹאָב עַל־פִּי יְהוָה׃
ו וַיִּקְבֹּר אֹתוֹ בַגַּי בְּאֶרֶץ מוֹאָב מוּל בֵּית פְּעוֹר וְלֹא־יָדַע
ז אִישׁ אֶת־קְבֻרָתוֹ עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וּמֹשֶׁה בֶּן־מֵאָה וְעֶשְׂרִים
ח שָׁנָה בְּמֹתוֹ לֹא־כָהֲתָה עֵינוֹ וְלֹא־נָס לֵחֹה׃ וַיִּבְכּוּ בְנֵי
יִשְׂרָאֵל אֶת־מֹשֶׁה בְּעַרְבֹת מוֹאָב שְׁלֹשִׁים יוֹם וַיִּתְּמוּ יְמֵי

לג, כא׳ קמץ בזק

וואָרום די שֶפע פון ימען וועלן זיי זויגן,
און די פאַרבאָרגענע אוצרות פון זאַמד.

20 און אויף גָד האָט ער געזאָגט:
געלויבט דער וואָס דערברייטערט גָד!
אַזוי ווי אַ לייבינטע רוט ער,
און פאַרצוקט דעם אָרעם און דעם שאַרבן.
21 און ער האָט אויסגעקוקט דאָס ערשטע פאַר זיך,
ווייל דאָרט איז דער חלק פאַר אַ הערשער באַהאַלטן,
אָבער ער איז געקומען פאַרויס פאַרן פאָלק;
די גערעכטיקייט פון גאָט האָט ער געטאָן,
און זיינע משפטים, אין איינעם מיט ישראל.

22 און אויף דָן האָט ער געזאָגט:
דָן איז אַ יונגער לייב,
ער שפּרינגט פון בָשָן אַרויס.

23 און אויף נפתלי האָט ער געזאָגט:
נפתלי, זאַט מיט באַווילִיקונג,
און פול מיט דער ברכה פון גאָט,
דער ים און דעם דָרום טו אַרבן!

24 און אויף אָשר האָט ער געזאָגט:
געבענטשטער פון אַלע זין זאָל זיין אָשר,
באַליבט זאָל ער זיין ביי זיינע ברידער,
און באָדן אין אייל זיין פוס.
25 אייזן און קופּער דיינע ריגלען,
און ווי דיינע טעג דיין שטאַרקייט.

26 ניטאָ אַזאַ ווי גאָט, ישורון;
ער רייט אויף די הימלען דיר צו הילף,
און אין זיין גרויסקייט אויף די וואָלקן.
27 אַ באַשיצונג איז דער אייביקער גאָט,
און אונטן איז ער שטענדיקע אָרעמס.
און ער האָט פאַרטריבן דעם פיינט פון פאַר דיר,
און געהייסן: פאַרטיליק!

28 און ישראל רוט אין זיכערקייט,
אָפּגעזונדערט—דער קוואַל פון יעקב,
אין אַ לאַנד פון תבואה און ווין;
און זיינע הימלען טריפן טוי.
29 ווויל דיר, ישראל, ווער איז דיין גלייכן?
אַ פאָלק געהאָלפן דורך גאָט—
דעם שילד פון דיין הילף,
און דעם וואָס איז די שווערד פון דיין גרויסקייט!
און דיינע פיינט וועלן אַיינגיין פאַר דיר,
און דו וועסט אויף זייערע הייכן טרעטן.

לד 1 און משה איז אַרויפגעגאַנגען פון די פלוינען פון מואָב צום באַרג נבו, אויפן שפּיץ פִּסגָה וואָס אַקעגן יריחו; און גאָט האָט אים געוויזן דאָס גאַנצע לאַנד גִלעָד ביז דָן; 2 און גאַנץ נפתלי, און דאָס לאַנד אפרים און מנשה, און דאָס גאַנצע לאַנד יהודה ביז דעם הינטערשטן ים. 3 און דעם דָרום, און די [יַרדן] געגנט, דעם טאָל פון יריחו, דער שטאָט פון טייטלביימער, ביז צוֹעַר. 4 און גאָט האָט צו אים געזאָגט: דאָס איז דאָס לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרן צו אַברהמען, צו יצחקן, און צו יעקבן, אַזוי צו זאָגן: צו דיין זאָמען וועל איך עס געבן. איך האָב דיך געלאָזט זען מיט דיינע אויגן, אָבער אַהין אַריבערקומען וועסטו ניט.

5 און משה דער קנעכט פון גאָט איז דאָרטן געשטאָרבן, אין לאַנד מואָב, לויט דעם מויל פון גאָט. 6 און מע האָט אים באַגראָבן אין טאָל, אין לאַנד מואָב, אַקעגן בֵית־פְּעוֹר; און קיין מענטש ווייס ניט זיין קבר ביז אויף היינטיקן טאָג.

7 און משה איז געווען הונדערט און צוואַנציק יאָר אַלט, ווען ער איז געשטאָרבן; זיין אויג איז ניט געווען טונקל, און זיין פרישקייט איז ניט אַוועק.

8 און די קינדער פון ישראל האָבן באַוויינט משהן אין די פלוינען פון מואָב דרייסיק טעג, ביז די

טעג פון טרויערגעוויין נאָך משהן האָבן זיך גע־
ענדיקט.

[9] און יהושע דער זון פון נון איז געווען פול מיט דעם גייסט פון חכמה, ווייל משה האָט אָנגעלענט אויף אים זייַנע הענט; און די קינדער פון ישראל האָבן זיך צוגע־הערט צו אים, און האָבן געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן.

ט בְּכִי אֵבֶל מֹשֶׁה׃ וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן מָלֵא רוּחַ חָכְמָה כִּי־סָמַךְ
מֹשֶׁה אֶת־יָדָיו עָלָיו וַיִּשְׁמְעוּ אֵלָיו בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲשׂוּ
י כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהֹוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וְלֹא־קָם נָבִיא עוֹד בְּיִשְׂרָאֵל
יא כְּמֹשֶׁה אֲשֶׁר יְדָעוֹ יְהֹוָה פָּנִים אֶל־פָּנִים׃ לְכָל־הָאֹתֹת
וְהַמּוֹפְתִים אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ יְהֹוָה לַעֲשׂוֹת בְּאֶרֶץ מִצְרָיִם
יב לְפַרְעֹה וּלְכָל־עֲבָדָיו וּלְכָל־אַרְצוֹ׃ וּלְכֹל הַיָּד הַחֲזָקָה
וּלְכֹל הַמּוֹרָא הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה מֹשֶׁה לְעֵינֵי כָּל־יִשְׂרָאֵל׃

[10] און עס איז ניט אויפגעשטאַנען אין ישראל נאָך אַזאַ נביא, ווי משה, וואָס גאָט האָט זיך דערקענט צו אים פנים אֶל פנים; [11] אין אַלע צייכנס און ווונדער וואָס גאָט האָט אים געשיקט טאָן אין לאַנד מִצרַיִם, צו פַּרעהן, און צו אַלע זייַנע קנעכט, און צו זיין גאַנצן לאַנד; [12] און אין אַלדער שטאַרקער האַנט, און אין אַלדער גרויסער פאָרכטיקייט, וואָס משה האָט באַוויזן פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל.

# חזק

## נשלמו חמשה חומשי תורה. תהלה לאל גדול ונורא:

סכום פסוקי דספר דברים תשע מאות וחמשים וחמשה הנ״ך סימן: וחציו. ועשית על פי הדבר אשר יגידו לך: ופרשיותיו אחד עשר אסרו חג בעבותים סימן: וסדריו עשרים ושבעה יפיח אמונה יגיד צדק סימן: ופרקיו שלשים וארבעה אודה י״י בכל לבב סימן: מניין הפתוחות שלשים וארבעה והסתומות מאה ועשרים וארבעה הכל מאה וחמשים ושמנה פרשיות וכסא כבוד ינחילם סימן:

סכום הפסוקים של כל התורה חמשת אלפים ושמנה מאות וארבעים וחמשה ואור החמה יהיה שבעתים סימן: וחציו. וישם עליו את החשן ויתן אל החשן את האורים ואת התמים: מניין פתוחות של כל התורה מאתים ותשעים יבא דודי לגנו ויאכל פרי מגדיו סימן: והסתומות שלש מאות ושבעים ותשעה או אסרה אסר על נפשה בשבעה סימן: נמצאו מניין כל הפרשיות פתוחות וסתומות שש מאות וששים ותשעה לא תחסר כל בה סימן:

# יְהוֹשֻׁעַ

וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ א
בִּן־נוּן מְשָׁרֵת מֹשֶׁה לֵאמֹר׃ מֹשֶׁה עַבְדִּי מֵת וְעַתָּה קוּם ב
עֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה אַתָּה וְכָל־הָעָם הַזֶּה אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר
אָנֹכִי נֹתֵן לָהֶם לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ כָּל־מָקוֹם אֲשֶׁר תִּדְרֹךְ ג
כַּף־רַגְלְכֶם בּוֹ לָכֶם נְתַתִּיו כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי אֶל־מֹשֶׁה׃
מֵהַמִּדְבָּר וְהַלְּבָנוֹן הַזֶּה וְעַד־הַנָּהָר הַגָּדוֹל נְהַר־פְּרָת כֹּל ד
אֶרֶץ הַחִתִּים וְעַד־הַיָּם הַגָּדוֹל מְבוֹא הַשָּׁמֶשׁ יִהְיֶה גְּבוּלְכֶם׃
לֹא־יִתְיַצֵּב אִישׁ לְפָנֶיךָ כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ כַּאֲשֶׁר הָיִיתִי עִם־ ה
מֹשֶׁה אֶהְיֶה עִמָּךְ לֹא אַרְפְּךָ וְלֹא אֶעֶזְבֶךָּ׃ חֲזַק וֶאֱמָץ ו
כִּי אַתָּה תַּנְחִיל אֶת־הָעָם הַזֶּה אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְתִּי
לַאֲבוֹתָם לָתֵת לָהֶם׃ רַק חֲזַק וֶאֱמַץ מְאֹד לִשְׁמֹר לַעֲשׂוֹת ז
כְּכָל־הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוְּךָ מֹשֶׁה עַבְדִּי אַל־תָּסוּר מִמֶּנּוּ יָמִין
וּשְׂמֹאול לְמַעַן תַּשְׂכִּיל בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ׃ לֹא־יָמוּשׁ סֵפֶר ח
הַתּוֹרָה הַזֶּה מִפִּיךָ וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה לְמַעַן תִּשְׁמֹר
לַעֲשׂוֹת כְּכָל־הַכָּתוּב בּוֹ כִּי־אָז תַּצְלִיחַ אֶת־דְּרָכֶךָ וְאָז
תַּשְׂכִּיל׃ הֲלוֹא צִוִּיתִיךָ חֲזַק וֶאֱמָץ אַל־תַּעֲרֹץ וְאַל־תֵּחָת כִּי ט
עִמְּךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ בְּכֹל אֲשֶׁר תֵּלֵךְ׃ וַיְצַו יְהוֹשֻׁעַ אֶת־ י
שֹׁטְרֵי הָעָם לֵאמֹר׃ עִבְרוּ ׀ בְּקֶרֶב הַמַּחֲנֶה וְצַוּוּ אֶת־הָעָם יא
לֵאמֹר הָכִינוּ לָכֶם צֵידָה כִּי בְּעוֹד ׀ שְׁלֹשֶׁת יָמִים אַתֶּם עֹבְרִים
אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה לָבוֹא לָרֶשֶׁת אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר יְהוָה

* הפטרת שמחת תורה   ז׳ סבירין ממנה   מלא ו׳   ט׳ קמץ בז״ק

**א** 1 און עס איז געווען נאָך דעם טויט פון משה דעם קנעכט פון גאָט, האָט גאָט געזאָגט צו יהושע דעם זון פון נון, דעם באַדינער פון משהן, אַזוי צו זאָגן: 2 משה מיין קנעכט איז געשטאָרבן; און אַצונד שטיי אויף, און גיי אַריבער דעמדאָזיקן יַרדן, דו און דאָסדאָזיקע גאַנצע פאָלק, צו דעם לאַנד וואָס איך גיב זיי—די קינדער פון ישׂראל. 3 יעטוועדער אָרט וואָס אַייער פוסטריט וועט דערויף טרעטן, האָב איך אַייך אים געגעבן, אַזוי ווי איך האָב גערעדט צו משהן. 4 פון דעם מדבר, און דעמ־דאָזיקן לבָנון, און ביזן גרויסן טייך, דעם טייך פּרָת, דאָס גאַנצע לאַנד פון די חִתּים, און ביזן יַם־הַגָדול, צו זונאונטער־גאַנג, וועט זיין אַייער געמאַרק. 5 קיינער וועט ניט באַ־שטיין פאַר דיר אַלע טעג פון דיין לעבן; אַזוי ווי איך בין געווען מיט משהן, וועל איך זיין מיט דיר; איך וועל דיך ניט אָפּלאָזן און דיך ניט פאַרלאָזן. 6 זיי שטאַרק און פעסט, וואָרום דו וועסט דאָסדאָזיקע פאָלק מאַכן אַרבן דאָס לאַנד וואָס איך האָב געשוואָרן זייערע עלטערן זיי צו געבן. 7 נאָר זיי זייער שטאַרק און פעסט צו היטן צו טאָן אַזוי ווי דידאָזיקע גאַנצע תּורה וואָס משה מיין קנעכט האָט דיר באַפוילן; זאָלסט דערפון ניט אָפּקערן רעכטס אָדער לינקס, כּדי זאָלסט באַגליקן אומעטום אַווּ דו וועסט גיין. 8 דאָסדאָזיקע בוך פון דער תּורה זאָל זיך ניט אָפּטאָן פון דיין מויל, און זאָלסט טראַכטן דערפון טאָג און נאַכט, כּדי זאָלסט היטן צו טאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס שטייט גע־שריבן דערין; וואָרום דענסמאָל וועסטו מצליח זיין אין דיינע וועגן, און דענסמאָל וועסטו באַגליקן. 9 פאַרוואָר, איך זאָג דיר אָן: זיי שטאַרק און פעסט, זאָלסט ניט פאָרכטן און ניט אַנגסטן, וואָרום יהוה דיין גאָט איז מיט דיר אומעטום אַווּ דו וועסט גיין.

10 האָט יהושע באַפוילן די אויפזעער פון פאָלק, אַזוי צו זאָגן: 11 גייט דורך אין לאַגער, און באַפעלט דעם פאָלק, אַזוי צו זאָגן: גרייט אַייך אָן צערונג, וואָרום אין דריי טעג אַרום גייט איר אַריבער דעמדאָזיקן יַרדן, צו קומען אַרבן דאָס לאַנד וואָס יהוה אַייער גאָט גיט אַייך, עס צו אַרבן.

[12] און צו די ראובֵנים, און צו די גָדים, און צום האַלבן שבט מנשה, האָט יהושוּעַ געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: [13] געדענקט די זאַך וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט אײַך באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: יהוה אײַער גאָט באַרוט אײַך, און וועט אײַך געבן דאָסדאָזיקע לאַנד. [14] זאָלן אײַערע ווײַבער, אײַערע קליינע קינדער, און אײַערע פי, בלייבן אין דעם לאַנד וואָס משה האָט אײַך געגעבן אויף דער זייט יַרדן, און איר, אַלע העלדישע גיבורים, זאָלט אַריבערגיין באַוואָפנטע פאַרויס פאַר אײַערע ברידער, און זיי העלפן. [15] ביז וואַנען גאָט וועט באַרוען אײַערע ברידער אַזוי ווי אײַך, און אויך זיי וועלן אַרבן דאָס לאַנד וואָס יהוה אײַער גאָט גיט זיי. דענסמאָל וועט איר זיך אומקערן צו דעם לאַנד פון אײַער אַרבונג, און וועט עס אַרבן—וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט אײַך געגעבן אויף דער זייט יַרדן, צו זונאויפגאַנג.

[16] האָבן זיי געענטפערט יהושוען, אַזוי צו זאָגן: אַלץ וואָס דו האָסט אונדז באַפוילן, וועלן מיר טאָן, און אומעטום אַווו דו וועסט אונדז שיקן, וועלן מיר גיין. [17] גענוי ווי מיר האָבן צוגעהערט צו משהן, אַזוי וועלן מיר צוהערן צו דיר; זאָל נאָר יהוה דײַן גאָט זײַן מיט דיר, אַזוי ווי ער איז געווען מיט משהן. [18] איטלעכער מאַן וואָס וועט ווידערשפּעניקן דײַן מויל, און וועט ניט צוהערן דײַנע ווערטער, לויט אַלץ וואָס דו וועסט אים באַפעלן, זאָל געטייט ווערן; נאָר זײַ שטאַרק און פעסט.

יב אֱלֹהֵיכֶם נֹתֵן לָכֶם לְרִשְׁתָּהּ׃ וְלָראוּבֵנִי וְלַגָּדִי וְלַחֲצִי
יג שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה אָמַר יְהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר׃ זָכוֹר אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר
צִוָּה אֶתְכֶם מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה לֵאמֹר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם מֵנִיחַ
יד לָכֶם וְנָתַן לָכֶם אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת׃ נְשֵׁיכֶם טַפְּכֶם וּמִקְנֵיכֶם
יֵשְׁבוּ בָּאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם מֹשֶׁה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן וְאַתֶּם
תַּעַבְרוּ חֲמֻשִׁים לִפְנֵי אֲחֵיכֶם כֹּל גִּבּוֹרֵי הַחַיִל וַעֲזַרְתֶּם
טו אוֹתָם׃ עַד אֲשֶׁר־יָנִיחַ יְהוָה ׀ לַאֲחֵיכֶם כָּכֶם וְיָרְשׁוּ גַם־
הֵמָּה אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם נֹתֵן לָהֶם וְשַׁבְתֶּם
לְאֶרֶץ יְרֻשַּׁתְכֶם וִירִשְׁתֶּם אוֹתָהּ אֲשֶׁר ׀ נָתַן לָכֶם מֹשֶׁה
טז עֶבֶד יְהוָה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִזְרַח הַשָּׁמֶשׁ׃ וַיַּעֲנוּ אֶת־יְהוֹשֻׁעַ
לֵאמֹר כֹּל אֲשֶׁר־צִוִּיתָנוּ נַעֲשֶׂה וְאֶל־כָּל־אֲשֶׁר תִּשְׁלָחֵנוּ
יז נֵלֵךְ׃ כְּכֹל אֲשֶׁר־שָׁמַעְנוּ אֶל־מֹשֶׁה כֵּן נִשְׁמַע אֵלֶיךָ רַק
יח יִהְיֶה יְהוָה אֱלֹהֶיךָ עִמָּךְ כַּאֲשֶׁר הָיָה עִם־מֹשֶׁה׃ כָּל־אִישׁ
אֲשֶׁר־יַמְרֶה אֶת־פִּיךָ וְלֹא־יִשְׁמַע אֶת־דְּבָרֶיךָ לְכֹל אֲשֶׁר־
תְּצַוֶּנּוּ יוּמָת רַק חֲזַק וֶאֱמָץ׃ *

## ב

א וַיִּשְׁלַח יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן מִן־הַשִּׁטִּים שְׁנַיִם אֲנָשִׁים מְרַגְּלִים
חֶרֶשׁ לֵאמֹר לְכוּ רְאוּ אֶת־הָאָרֶץ וְאֶת־יְרִיחוֹ וַיֵּלְכוּ וַיָּבֹאוּ
ב בֵּית אִשָּׁה זוֹנָה וּשְׁמָהּ רָחָב וַיִּשְׁכְּבוּ־שָׁמָּה׃ וַיֵּאָמַר לְמֶלֶךְ
יְרִיחוֹ לֵאמֹר הִנֵּה אֲנָשִׁים בָּאוּ הֵנָּה הַלַּיְלָה מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל
ג לַחְפֹּר אֶת־הָאָרֶץ׃ וַיִּשְׁלַח מֶלֶךְ יְרִיחוֹ אֶל־רָחָב לֵאמֹר
הוֹצִיאִי הָאֲנָשִׁים הַבָּאִים אֵלַיִךְ אֲשֶׁר־בָּאוּ לְבֵיתֵךְ כִּי
ד לַחְפֹּר אֶת־כָּל־הָאָרֶץ בָּאוּ׃ וַתִּקַּח הָאִשָּׁה אֶת־שְׁנֵי הָאֲנָשִׁים
וַתִּצְפְּנוֹ וַתֹּאמֶר כֵּן בָּאוּ אֵלַי הָאֲנָשִׁים וְלֹא יָדַעְתִּי מֵאַיִן
ה הֵמָּה׃ וַיְהִי הַשַּׁעַר לִסְגּוֹר בַּחֹשֶׁךְ וְהָאֲנָשִׁים יָצָאוּ לֹא
יָדַעְתִּי אָנָה הָלְכוּ הָאֲנָשִׁים רִדְפוּ מַהֵר אַחֲרֵיהֶם כִּי
ו תַשִּׂיגוּם׃ וְהִיא הֶעֱלָתַם הַגָּגָה וַתִּטְמְנֵם בְּפִשְׁתֵּי הָעֵץ

א, יח׳ כ״א אל   ע״כ   ב, א׳ הפטרת שלח לך   ה׳ קמץ בז״ק

ב [1] און יהושוּעַ דער זון פון נון האָט געשיקט פון שִטים צוויי מענטשן אויסקוקערס שטילערהייט, אַזוי צו זאָגן: גייט זעט דאָס לאַנד, און יריחו. זײַנען זיי געגאַנגען, און זײַנען געקומען אין הויז פון אַ פרוי אַ זונה וואָס איר נאָמען איז געווען רָחָב, און האָבן זיך דאָרטן געלייגט. [2] איז אָנגעזאָגט געוואָרן דעם מלך פון יריחו, אַזוי צו זאָגן: זע, מענטשן זײַנען געקומען אַהער די נאַכט פון די קינדער פון ישראל, אויסצופאָרשן דאָס לאַנד. [3] האָט דער מלך פון יריחו געשיקט צו רָחָבן, אַזוי צו זאָגן: גיב אַרויס די מענטשן וואָס זײַנען געקומען צו דיר, די וואָס זײַנען געקומען אין דײַן הויז, וואָרום אויסצופאָרשן דאָס גאַנצע לאַנד זײַנען זיי געקומען.—[4] און די פרוי האָט גענומען די צוויי מענטשן, און האָט זיי באַהאַלטן.—און זי האָט געזאָגט: יאָ, די מענטשן זײַנען געקומען צו מיר, אָבער איך האָב ניט געוווּסט פון וואַנען זיי זײַנען; [5] און עס איז געווען, ווי מע האָט געזאָלט פאַרשליסן דעם טויער, אַז עס איז געוואָרן פינצטער, אַזוי זײַנען די מענטשן אַרויסגעגאַנגען; איך ווייס ניט וווהין די מענטשן זײַנען געגאַנגען; יאָגט זיי נאָך אויף גיך, וואָרום איר וועט זיי אָניאָגן. [6] אָבער זי האָט זיי געהאַט אַרויפגעפירט אויפן דאַך, און זיי באַהאַלטן אין פלאַקסשטעקלעך וואָס זײַנען געווען

ז הָעֲרָכוֹת לָהּ עַל־הַגָּג׃ וְהָאֲנָשִׁים רָדְפוּ אַחֲרֵיהֶם דֶּרֶךְ
הַיַּרְדֵּן עַל הַמַּעְבְּרוֹת וְהַשַּׁעַר סָגָרוּ אַחֲרֵי כַּאֲשֶׁר יָצְאוּ
ח הָרֹדְפִים אַחֲרֵיהֶם׃ וְהֵמָּה טֶרֶם יִשְׁכָּבוּן וְהִיא עָלְתָה
ט עֲלֵיהֶם עַל־הַגָּג׃ וַתֹּאמֶר אֶל־הָאֲנָשִׁים יָדַעְתִּי כִּי־נָתַן
יְהוָה לָכֶם אֶת־הָאָרֶץ וְכִי־נָפְלָה אֵימַתְכֶם עָלֵינוּ וְכִי
י נָמֹגוּ כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ מִפְּנֵיכֶם׃ כִּי שָׁמַעְנוּ אֵת אֲשֶׁר־
הוֹבִישׁ יְהוָה אֶת־מֵי יַם־סוּף מִפְּנֵיכֶם בְּצֵאתְכֶם מִמִּצְרָיִם
וַאֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם לִשְׁנֵי מַלְכֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן
יא לְסִיחֹן וּלְעוֹג אֲשֶׁר הֶחֱרַמְתֶּם אוֹתָם׃ וַנִּשְׁמַע וַיִּמַּס
לְבָבֵנוּ וְלֹא־קָמָה עוֹד רוּחַ בְּאִישׁ מִפְּנֵיכֶם כִּי יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם הוּא אֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל־הָאָרֶץ מִתָּחַת׃
יב וְעַתָּה הִשָּׁבְעוּ־נָא לִי בַּיהוָה כִּי־עָשִׂיתִי עִמָּכֶם חָסֶד
וַעֲשִׂיתֶם גַּם־אַתֶּם עִם־בֵּית אָבִי חֶסֶד וּנְתַתֶּם לִי אוֹת
יג אֱמֶת׃ וְהַחֲיִתֶם אֶת־אָבִי וְאֶת־אִמִּי וְאֶת־אַחַי וְאֶת־אַחוֹתַי
יד וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר לָהֶם וְהִצַּלְתֶּם אֶת־נַפְשֹׁתֵינוּ מִמָּוֶת׃ וַיֹּאמְרוּ
לָהּ הָאֲנָשִׁים נַפְשֵׁנוּ תַחְתֵּיכֶם לָמוּת אִם לֹא תַגִּידוּ אֶת־
דְּבָרֵנוּ זֶה וְהָיָה בְּתֵת יְהוָה לָנוּ אֶת־הָאָרֶץ וְעָשִׂינוּ עִמָּךְ
טו חֶסֶד וֶאֱמֶת׃ וַתּוֹרִדֵם בַּחֶבֶל בְּעַד הַחַלּוֹן כִּי בֵיתָהּ בְּקִיר
טז הַחוֹמָה וּבַחוֹמָה הִיא יוֹשָׁבֶת׃ וַתֹּאמֶר לָהֶם הָהָרָה לֵּכוּ
פֶּן־יִפְגְּעוּ בָכֶם הָרֹדְפִים וְנַחְבֵּתֶם שָׁמָּה שְׁלֹשֶׁת יָמִים
יז עַד שׁוֹב הָרֹדְפִים וְאַחַר תֵּלְכוּ לְדַרְכְּכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלֶיהָ
הָאֲנָשִׁים נְקִיִּם אֲנַחְנוּ מִשְּׁבֻעָתֵךְ הַזֶּה אֲשֶׁר הִשְׁבַּעְתָּנוּ׃
יח הִנֵּה אֲנַחְנוּ בָאִים בָּאָרֶץ אֶת־תִּקְוַת חוּט הַשָּׁנִי הַזֶּה
תִּקְשְׁרִי בַּחַלּוֹן אֲשֶׁר הוֹרַדְתֵּנוּ בוֹ וְאֶת־אָבִיךְ וְאֶת־אִמֵּךְ
וְאֶת־אַחַיִךְ וְאֵת כָּל־בֵּית אָבִיךְ תַּאַסְפִי אֵלַיִךְ הַבָּיְתָה׃
יט וְהָיָה כֹּל אֲשֶׁר־יֵצֵא מִדַּלְתֵי בֵיתֵךְ הַחוּצָה דָּמוֹ בְרֹאשׁוֹ
וַאֲנַחְנוּ נְקִיִּם וְכֹל אֲשֶׁר יִהְיֶה אִתָּךְ בַּבַּיִת דָּמוֹ בְרֹאשֵׁנוּ

ז׳ קמץ בז״ק   יג׳ אחותי ק   יח׳ הזה בצרי

אויסגעלייגט ביי איר אויפן דאַך. [7] און די מענטשן האָבן זיי נאָכגעיאָגט אויפן וועג פון יַרדן, צו די איבערפאָרן; און דעם טויער האָט מען פאַרשלאָסן נאָכדעם ווי עס זיינען אַרויסגעגאַנגען די וואָס האָבן זיי נאָכגעיאָגט.

[8] און איידער זיי האָבן זיך געלייגט, איז זי אַרויפגעגאַנגען צו זיי אויפן דאַך, [9] און זי האָט געזאָגט צו די מענטשן: איך ווייס, אַז גאָט האָט אייך געגעבן דאָס לאַנד, און אַז אייער אימה איז געפאַלן אויף אונדז, און אַז אַלע באַוווינער פון לאַנד זיינען צעגאַנגען געוואָרן פאַר אייך. [10] וואָרום מיר האָבן געהערט ווי גאָט האָט אויסגעטריקנט די וואַסערן פון ים־סוף פון פאַר אייך, ביי אייער אַרויסגיין פון מִצרַיִם, און וואָס איר האָט געטאָן צו די צוויי מלכים פון דעם אֶמורי וואָס אויף יענער זייט יַרדן, צו סיחונען און צו עוגן, וואָס איר האָט זיי פאַרוויסט. [11] און ווי מיר האָבן געהערט, אַזוי איז צעגאַנגען אונדזער האַרץ, און אין קיינעם איז מער אַן אָטעם ניט געבליבן פון וועגן אייך; וואָרום יהוה אייער גאָט ער איז גאָט אין הימל אויבן, און אויף דער ערד אונטן. [12] און אַצונד שווערט מיר, איך בעט אייך, ביי יהוה, ווייל איך האָב געטאָן חסד מיט אייך, אַז איר אויך וועט טאָן חסד מיט מיין פאָטערס הויז; און איר זאָלט מיר געבן אַן אמתן צייכן, [13] אַז איר וועט לאָזן לעבן מיין פאָטער און מיין מוטער, און מיינע ברי־דער און מיינע שוועסטער, און אַלע וואָס געהערן צו זיי, און איר וועט מציל זיין אונדזערע נפשות פון טויט.

[14] האָבן די מענטשן צו איר געזאָגט: אונדזער נפש אָנשטאָט אייך צום טויט, אויב איר וועט ניט אויסזאָגן די דאָזיקע זאַך אונדזערע! און עס וועט זיין, אַז גאָט וועט אונדז געבן דאָס לאַנד, וועלן מיר טאָן מיט דיר חסד און טריישאַפט.

[15] האָט זי זיי אַראָפּגעלאָזן מיט אַ שטריק דורכן פענצטער; וואָרום איר הויז איז געווען אין דער וואַנט פון דער שטאָטמויער, און זי האָט געוווינט אין דעם מויער. [16] און זי האָט צו זיי געזאָגט: גייט צום באַרג צו, כדי די נאָכיאָגער זאָלן אייך ניט אָנטרעפן; און איר זאָלט אייך באַהאַלטן דאָרטן דריי טעג, ביז די נאָכיאָגער קערן זיך אום; און דערנאָך וועט איר גיין אויף אייער וועג.

[17] האָבן די מענטשן צו איר געזאָגט: מיר וועלן זיין ריין פון דיין דאָזיקער שבועה וואָס דו האָסט אונדז באַשוואָרן. [18] אָט ווי מיר קומען אין לאַנד, זאָלסטו די שנור פון דעמדאָזיקן רויטן פאָדים אָנבינדן אין דעם פענצטער וואָס דו האָסט אונדז אַראָפּגעלאָזן דורך אים, און דיין פאָטער און דיין מוטער, און דיינע ברידער, און דאָס גאַנצע הויז פון דיין פאָ־טער, זאָלסטו איינזאַמלען צו דיר אין הויז. [19] און עס וועט זיין, איטלעכער וואָס וועט אַרויסגיין פון די טירן פון דיין הויז דערויסן, וועט זיין בלוט זיין אויף זיין קאָפּ, און מיר וועלן זיין ריין; אָבער איטלעכער וואָס וועט זיין ביי דיר אין הויז, וועט

זיין בלוט זיין אויף אונדזער קאָפּ, אויב אַ האַנט וועט זיין אויף אים. [20] אויב אָבער דו וועסט אויסזאָגן דידאָזיקע זאַך אונדזערע, וועלן מיר זיין ריין פון דיין שבועה וואָס דו האָסט אונדז באַשוואָרן.

[21] האָט זי געזאָגט: ווי אײַערע ווערטער, אַזוי זאָל זיין. און זי האָט זיי אַרויסבאַלייט, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען. און זי האָט אָנגעבונדן די רויטע שנור אין פענצטער.

[22] און זיי זיינען געגאַנגען, און זיינען געקומען צום באַרג, און זיינען דאָרטן געזעסן דריי טעג, ביז די נאָכיאָגערס האָבן זיך אומגעקערט. און די נאָכיאָגערס האָבן געזוכט אויפן גאַנצן וועג, און האָבן ניט געפונען.

[23] און די צוויי מענטשן האָבן זיך אומגעקערט, און האָבן אַראָפּגענידערט פון באַרג, און זיינען אַריבערגעגאַנגען און געקומען צו יהושוע דעם זון פון נון, און האָבן אים דערציילט אַלץ וואָס זיי האָט געטראָפן. [24] און זיי האָבן געזאָגט צו יהושוען: פאַרוואָר, גאָט האָט געגעבן אין אונדזער האַנט דאָס גאַנצע לאַנד; און אויך זיינען די באַוווינער פון לאַנד צעגאַנגען געוואָרן פאַר אונדז.

**ג** [1] און יהושוע האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, און זיי האָבן געצויגן פון שטים, און זיינען געקומען ביזן יַרדן, ער און אַלע קינדער פון ישראל; און זיי האָבן דאָרטן גענעכטיקט איידער זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען.

[2] און עס איז געווען צום סוף פון דריי טעג*, זיינען די אויפזעער דורכגעגאַנגען אין לאַגער, [3] און זיי האָבן באַפוילן דעם פאָלק, אַזוי צו זאָגן: ווי איר זעט דעם אָרון פון בונד פון יהוה אײַער גאָט, און די כֹּהנים פון שבט לֵוִי טראָגן אים, אַזוי זאָלט איר ציען פון אײַער אָרט, און גיין נאָך אים— [4] נאָר ווייט זאָל זיין צווישן אײַך און צווישן אים, אַרום צוויי טויזנט איילן אויפן מאָס; איר זאָלט ניט גענענען צו אים—כּדי איר זאָלט וויסן דעם וועג וואָס איר זאָלט אויף אים גיין, וואָרום איר זייט ניט דורכגעגאַנגען אויף דעם וועג נעכטן־אײַערנעכטן.

[5] און יהושוע האָט געזאָגט צום פאָלק: הייליקט אײַך, וואָרום מאָרגן וועט גאָט טאָן צווישן אײַך וווּנדער. [6] און יהושוע האָט געזאָגט צו די כֹּהנים, אַזוי צו זאָגן: טראָגט דעם אָרון פון בונד, און גייט פאַרויס פאַרן פאָלק.

האָבן זיי געטראָגן דעם אָרון פון בונד, און זיינען געגאַנגען פאַרויס פאַרן פאָלק.

[7] און גאָט האָט געזאָגט צו יהושוען: הייינטיקן טאָג וועל איך אָנהייבן דיך גרייסן פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל, כּדי זיי זאָלן וויסן, אַז אַזוי ווי איך בין געווען מיט משהן, וועל איך זיין מיט דיר. [8] און דו זאָלסט באַפעלן די כֹּהנים וואָס טראָגן דעם אָרון פון בונד, אַזוי צו זאָגן: ווי איר קומט צום ברעג וואַסער פון יַרדן, זאָלט איר אין יַרדן זיך אָפּשטעלן.

[9] האָט יהושוע געזאָגט צו די קינדער פון ישראל: גענענט אַהער, און הערט די ווערטער פון יהוה אײַער

כ אִם־יָד֙ תִּֽהְיֶה־בּֽוֹ׃ וְאִם־תַּגִּ֖ידִי אֶת־דְּבָרֵ֣נוּ זֶ֑ה וְהָיִ֣ינוּ נְקִיִּ֔ם
כא מִשְּׁבֻעָתֵ֖ךְ אֲשֶׁ֥ר הִשְׁבַּעְתָּֽנוּ׃ וַתֹּ֙אמֶר֙ כְּדִבְרֵיכֶ֣ם כֶּן־ה֔וּא
כב וַתְּשַׁלְּחֵ֖ם וַיֵּלֵ֑כוּ וַתִּקְשֹׁ֛ר אֶת־תִּקְוַ֥ת הַשָּׁנִ֖י בַּחַלּֽוֹן׃ וַיֵּלְכוּ֙
וַיָּבֹ֣אוּ הָהָ֔רָה וַיֵּ֤שְׁבוּ שָׁם֙ שְׁלֹ֣שֶׁת יָמִ֔ים עַד־שָׁ֖בוּ הָרֹדְפִ֑ים
כג וַיְבַקְשׁ֧וּ הָרֹדְפִ֛ים בְּכָל־הַדֶּ֖רֶךְ וְלֹ֥א מָצָֽאוּ׃ וַיָּשֻׁ֜בוּ שְׁנֵ֣י
הָאֲנָשִׁ֗ים וַיֵּרְד֣וּ מֵהָהָ֔ר וַיַּֽעַבְרוּ֙ וַיָּבֹ֔אוּ אֶל־יְהוֹשֻׁ֖עַ בִּן־נ֑וּן
כד וַיְסַפְּרוּ־ל֔וֹ אֵ֥ת כָּל־הַמֹּצְא֖וֹת אוֹתָֽם׃ וַיֹּֽאמְרוּ֙ אֶל־יְהוֹשֻׁ֔עַ
כִּֽי־נָתַ֧ן יְהוָ֛ה בְּיָדֵ֖נוּ אֶת־כָּל־הָאָ֑רֶץ וְגַם־נָמֹ֛גוּ כָּל־יֹשְׁבֵ֥י
הָאָ֖רֶץ מִפָּנֵֽינוּ׃ *

ג

א וַיַּשְׁכֵּ֨ם יְהוֹשֻׁ֜עַ בַּבֹּ֗קֶר וַיִּסְע֤וּ מֵֽהַשִּׁטִּים֙ וַיָּבֹ֙אוּ֙ עַד־הַיַּרְדֵּ֔ן
ב ה֖וּא וְכָל־בְּנֵ֣י יִשְׂרָאֵ֑ל וַיָּלִ֥נוּ שָׁ֖ם טֶ֥רֶם יַעֲבֹֽרוּ׃ וַיְהִ֕י מִקְצֵ֖ה
ג שְׁלֹ֣שֶׁת יָמִ֑ים וַיַּעַבְר֥וּ הַשֹּׁטְרִ֖ים בְּקֶ֥רֶב הַֽמַּחֲנֶֽה׃ וַיְצַוּ֨וּ
אֶת־הָעָ֜ם לֵאמֹ֗ר כִּרְאֹתְכֶ֗ם אֵ֣ת אֲר֤וֹן בְּרִית־יְהוָה֙ אֱלֹהֵיכֶ֔ם
וְהַכֹּהֲנִים֙ הַלְוִיִּ֔ם נֹשְׂאִ֖ים אֹת֑וֹ וְאַתֶּ֗ם תִּסְעוּ֙ מִמְּק֣וֹמְכֶ֔ם
ד וַהֲלַכְתֶּ֖ם אַחֲרָֽיו׃ אַ֣ךְ ׀ רָח֣וֹק יִהְיֶ֗ה בֵּינֵיכֶם֙ וּבֵינָ֔ו כְּאַלְפַּ֥יִם
אַמָּ֖ה בַּמִּדָּ֑ה אַֽל־תִּקְרְב֣וּ אֵלָ֗יו לְמַ֤עַן אֲשֶׁר־תֵּֽדְעוּ֙ אֶת־הַדֶּ֙רֶךְ֙
אֲשֶׁ֣ר תֵּֽלְכוּ־בָ֔הּ כִּ֣י לֹ֧א עֲבַרְתֶּ֛ם בַּדֶּ֖רֶךְ מִתְּמ֥וֹל שִׁלְשֽׁוֹם׃
ה * וַיֹּ֧אמֶר יְהוֹשֻׁ֛עַ אֶל־הָעָ֖ם הִתְקַדָּ֑שׁוּ כִּ֥י מָחָ֛ר יַעֲשֶׂ֥ה
ו יְהוָ֖ה בְּקִרְבְּכֶ֥ם נִפְלָאֽוֹת׃ וַיֹּ֤אמֶר יְהוֹשֻׁ֙עַ֙ אֶל־הַכֹּהֲנִ֣ים
לֵאמֹ֔ר שְׂאוּ֙ אֶת־אֲר֣וֹן הַבְּרִ֔ית וְעִבְר֖וּ לִפְנֵ֣י הָעָ֑ם וַיִּשְׂאוּ֙
ז אֶת־אֲר֣וֹן הַבְּרִ֔ית וַיֵּלְכ֖וּ לִפְנֵ֥י הָעָֽם׃ וַיֹּ֤אמֶר יְהוָה֙
אֶל־יְהוֹשֻׁ֔עַ הַיּ֣וֹם הַזֶּ֗ה אָחֵל֙ גַּדֶּלְךָ֔ בְּעֵינֵ֖י כָּל־יִשְׂרָאֵ֑ל
אֲשֶׁר֙ יֵֽדְע֔וּן כִּ֗י כַּאֲשֶׁ֥ר הָיִ֛יתִי עִם־מֹשֶׁ֖ה אֶהְיֶ֥ה עִמָּֽךְ׃ *
ח וְאַתָּ֗ה תְּצַוֶּה֙ אֶת־הַכֹּ֣הֲנִ֔ים נֹשְׂאֵ֥י אֲרוֹן־הַבְּרִ֖ית לֵאמֹ֑ר
ט כְּבֹֽאֲכֶ֗ם עַד־קְצֵה֙ מֵ֣י הַיַּרְדֵּ֔ן בַּיַּרְדֵּ֖ן תַּעֲמֹֽדוּ׃ וַיֹּ֤אמֶר
יְהוֹשֻׁ֙עַ֙ אֶל־בְּנֵ֣י יִשְׂרָאֵ֔ל גֹּ֣שׁוּ הֵ֔נָּה וְשִׁמְע֕וּ אֶת־דִּבְרֵ֖י יְהוָ֥ה

ב, כד׳ ע״כ ג, ד׳ ובינו ק ה׳ הפטרה יום א׳ של פסח לאשכנזים ז׳ דלג אל ה, ב׳

* זע א, 11.

אלהיכם: ויאמר יהושע בזאת תדעון כי אל חי בקרבכם י
והורש יוריש מפניכם את-הכנעני ואת-החתי ואת-
החוי ואת-הפרזי ואת-הגרגשי והאמרי והיבוסי: הנה יא
ארון הברית אדון כל-הארץ עבר לפניכם בירדן: ועתה יב
קחו לכם שני עשר איש משבטי ישראל איש-אחד
איש-אחד לשבט: והיה כנוח כפות רגלי הכהנים יג
נשאי ארון יהוה אדון כל-הארץ במי הירדן מי הירדן
יכרתון המים הירדים מלמעלה ויעמדו נד אחד: ויהי יד
בנסע העם מאהליהם לעבר את-הירדן והכהנים נשאי
הארון הברית לפני העם: וכבוא נשאי הארון עד- טו
הירדן ורגלי הכהנים נשאי הארון נטבלו בקצה המים
והירדן מלא על-כל-גדותיו כל ימי קציר: ויעמדו טז
המים הירדים מלמעלה קמו נד-אחד הרחק מאד
באדם העיר אשר מצד צרתן והירדים על ים הערבה
ים-המלח תמו נכרתו והעם עברו נגד יריחו: ויעמדו יז
הכהנים נשאי הארון ברית-יהוה בחרבה בתוך הירדן
הכן וכל-ישראל עברים בחרבה עד אשר-תמו כל-הגוי
לעבור את-הירדן:

## ד

ויהי כאשר-תמו כל-הגוי לעבור את-הירדן ויאמר א
יהוה אל-יהושע לאמר: קחו לכם מן-העם שנים עשר ב
אנשים איש-אחד איש-אחד משבט: וצוו אותם לאמר ג
שאו-לכם מזה מתוך הירדן ממצב רגלי הכהנים הכין
שתים-עשרה אבנים והעברתם אותם עמכם והנחתם
אותם במלון אשר-תלינו בו הלילה: ויקרא יהושע ד
אל-שנים העשר איש אשר הכין מבני ישראל איש-
אחד איש-אחד משבט: ויאמר להם יהושע עברו לפני ה

ג, טו׳ מאדם ק׳ ד, א׳ פסקא באמצע פסוק

גאָט. 10 און יהושעַ האָט געזאָגט: דורך דעם וועט איר וויסן, אַז דער לעבעדיקער גאָט איז צווישן אַייך, און פאַרטרייבן וועט ער פאַרטרייבן פון פאַר אַייך דעם כנַעֲני, און דעם חִתּי, און דעם חִוי, און דעם פּרִזי, און דעם גִרגָשי, און דעם אֱמוֹרי, און דעם יבוּסי. 11 אָט גייט דער אָרון פון בונד פון דעם האַר פון דער גאַנצער ערד אַריבער אַייך פאַרויס איבערן יַרדן. 12 און אַצונד, נעמט אַייך צוועלף מענער פון די שבטים פון ישראל, צו איין מאַן, צו איין מאַן פון אַ שבט. 13 און עס וועט זיין, ווי די פוסטריט פון די כּהנים, וואָס טראָגן דעם אָרון פון גאָט דעם האַר פון דער גאַנצער ערד, רוען אין די וואַסערן פון יַרדן, אַזוי וועלן די וואַסערן פון יַרדן פאַרשניטן ווערן—די וואַסערן וואָס נידערן אַראָפּ פון אויבן—און זיי וועלן בלייבן שטיין אין איין הויפן.

14 און עס איז געווען, ווי דאָס פאָלק האָט געצויגן פון זייערע געצעלטן אַריבערצוגיין דעם יַרדן, מיט די כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון פון בונד, פאַרויס פאַרן פאָלק, 15 און ווי די טרעגער פון אָרון זיינען געקומען ביזן יַרדן, און די פיס פון די כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון, האָבן זיך אַיינגעטונקט אין ברעג וואַסער—וואָרום דער יַרדן איז פול איבער אַלע זיינע ברעגן אַלע טעג פון שניט— 16 אַזוי האָבן די וואַסערן, וואָס נידערן אַראָפּ פון אויבן, זיך אָפּגעשטעלט; זיי זיינען געבליבן שטיין אין איין הויפן, זייער ווייט פון דער שטאָט אָדָם וואָס לעבן צָרתָן; און די וואָס נידערן אַראָפּ צו דעם ים פון פלוין, דעם יַם־הַמֶלַח, זיינען אין גאַנצן פאַרשניטן געוואָרן; און דאָס פאָלק איז אַריבערגעגאַנגען אַקעגן יריחו. 17 און די כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון פון גאָטס בונד, זיינען געשטאַנען פעסט אויף טריקעניש אין מיטן יַרדן; און גאַנץ ישראל זיינען אַריבערגעגאַנגען אויף טריקעניש, ביז דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיקט אַריבערגיין דעם יַרדן.

ד 1 און עס איז געווען, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיקט אַריבערגיין דעם יַרדן, האָט גאָט געזאָגט צו יהושוען, אַזוי צו זאָגן: 2 נעמט אַייך פון פאָלק צוועלף מענער, צו איין מאַן, צו איין מאַן פון אַ שבט. 3 און באַפעלט זיי, אַזוי צו זאָגן: נעמט אַייך פון דאַנען, פון מיטן יַרדן, פון וווּ די פיס פון די כּהנים זיינען געשטאַנען פעסט, צוועלף שטיינער, און איר זאָלט זיי אַריבערברענגען מיט אַייך, און זיי אַוועקלייגן אין דעם נאַכטלאַגער וואָס איר וועט דרינען נעכטיקן די נאַכט.

4 און יהושעַ האָט גערופן די צוועלף מענער, וואָס ער האָט אָנגעברייט פון די קינדער פון ישראל, צו איין מאַן, צו איין מאַן פון אַ שבט, 5 און יהושעַ האָט צו זיי געזאָגט: גייט אַריבער צו דעם אָרון פון יהוה אַייער גאָט, אין מיטן

אֲרוֹן יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֶל־תּוֹךְ הַיַּרְדֵּן וְהָרִימוּ לָכֶם אִישׁ
ו אֶבֶן אַחַת עַל־שִׁכְמוֹ לְמִסְפַּר שִׁבְטֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל׃ לְמַעַן
תִּהְיֶה זֹאת אוֹת בְּקִרְבְּכֶם כִּי־יִשְׁאָלוּן בְּנֵיכֶם מָחָר לֵאמֹר
ז מָה הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה לָכֶם׃ וַאֲמַרְתֶּם לָהֶם אֲשֶׁר נִכְרְתוּ
מֵימֵי הַיַּרְדֵּן מִפְּנֵי אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה בְּעָבְרוֹ בַּיַּרְדֵּן נִכְרְתוּ
מֵי הַיַּרְדֵּן וְהָיוּ הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה לְזִכָּרוֹן לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל עַד־
ח עוֹלָם׃ וַיַּעֲשׂוּ־כֵן בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוֹשֻׁעַ וַיִּשְׂאוּ
שְׁתֵּי־עֶשְׂרֵה אֲבָנִים מִתּוֹךְ הַיַּרְדֵּן כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֶל־
יְהוֹשֻׁעַ לְמִסְפַּר שִׁבְטֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲבִרוּם עִמָּם אֶל־
ט הַמָּלוֹן וַיַּנִּחוּם שָׁם׃ וּשְׁתֵּים עֶשְׂרֵה אֲבָנִים הֵקִים יְהוֹשֻׁעַ
בְּתוֹךְ הַיַּרְדֵּן תַּחַת מַצַּב רַגְלֵי הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי אֲרוֹן
י הַבְּרִית וַיִּהְיוּ שָׁם עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְהַכֹּהֲנִים נֹשְׂאֵי הָאָרוֹן
עֹמְדִים בְּתוֹךְ הַיַּרְדֵּן עַד־תֹּם כָּל־הַדָּבָר אֲשֶׁר־צִוָּה
יְהוָה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ לְדַבֵּר אֶל־הָעָם כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה מֹשֶׁה
יא אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וַיְמַהֲרוּ הָעָם וַיַּעֲבֹרוּ׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־תַּם כָּל־
הָעָם לַעֲבוֹר וַיַּעֲבֹר אֲרוֹן־יְהוָה וְהַכֹּהֲנִים לִפְנֵי הָעָם׃
יב וַיַּעַבְרוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה חֲמֻשִׁים
יג לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵיהֶם מֹשֶׁה׃ כְּאַרְבָּעִים
אֶלֶף חֲלוּצֵי הַצָּבָא עָבְרוּ לִפְנֵי יְהוָה לַמִּלְחָמָה אֶל עַרְבוֹת
יד יְרִיחוֹ׃ בַּיּוֹם הַהוּא גִּדַּל יְהוָה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ בְּעֵינֵי כָּל־
יִשְׂרָאֵל וַיִּרְאוּ אֹתוֹ כַּאֲשֶׁר יָרְאוּ אֶת־מֹשֶׁה כָּל־יְמֵי חַיָּיו׃
טו טז וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר׃ צַוֵּה אֶת־הַכֹּהֲנִים
יז נֹשְׂאֵי אֲרוֹן הָעֵדוּת וְיַעֲלוּ מִן־הַיַּרְדֵּן׃ וַיְצַו יְהוֹשֻׁעַ אֶת־
יח הַכֹּהֲנִים לֵאמֹר עֲלוּ מִן־הַיַּרְדֵּן׃ וַיְהִי בַּעֲלוֹת הַכֹּהֲנִים
נֹשְׂאֵי אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה מִתּוֹךְ הַיַּרְדֵּן נִתְּקוּ כַּפּוֹת רַגְלֵי
הַכֹּהֲנִים אֶל הֶחָרָבָה וַיָּשֻׁבוּ מֵי־הַיַּרְדֵּן לִמְקוֹמָם וַיֵּלְכוּ
יט כִתְמוֹל־שִׁלְשׁוֹם עַל־כָּל־גְּדוֹתָיו׃ וְהָעָם עָלוּ מִן־הַיַּרְדֵּן

יח׳ בעלות ק

יַרדן, און נעמט אײַך איטלעכער אַ שטיין אויף זיין אַקסל, לויט דער צאָל פון די שבטים פון די קינדער פון ישראל; [6] כּדי דאָס זאָל זיין אַ צייכן צווישן אײַך; אַז אײַערע קינדער וועלן שפּעטער אַהין פרעגן, אַזוי צו זאָגן: וואָס זיינען אײַך דידאָזיקע שטיינער? [7] זאָלט איר זיי זאָגן: ווייל די וואַסערן פון יַרדן זיינען פאַרשניטן געוואָרן פאַר דעם אָרון פון גאָטס בונד; ווען ער איז אַריבערגעגאַנגען איבערן יַרדן איז פאַרשניטן געוואָרן דאָס וואַסער פון יַרדן; און דידאָזיקע שטיינער וועלן זיין פאַר אַ דערמאָנונג צו די קינדער פון ישראל ביז אייביק.

[8] און די קינדער פון ישראל האָבן אַזוי געטאָן, אַזוי ווי יהושע האָט באַפוילן; און זיי האָבן גענומען צוועלף שטיינער פון מיטן יַרדן, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט צו יהושוען, לויט דער צאָל פון די שבטים פון די קינדער פון ישראל, און זיי האָבן זיי אַריבערגעטראָגן מיט זיך צו דעם נאַכטלאַגער, און זיי אַוועקגעלייגט דאָרטן.

[9] און צוועלף שטיינער האָט יהושע אויפגעשטעלט אין מיטן יַרדן, אויף דעם אָרט ווו די פיס פון די כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון פון בונד, זיינען געשטאַנען; און זיי זיינען דאָרטן ביז אויף הייַנטיקן טאָג. [10] און די כּהנים וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון, זיינען געשטאַנען אין מיטן יַרדן, ביז עס איז אויסגעפירט געוואָרן אַלצדינג וואָס גאָט האָט באַפוילן יהושוען צו רעדן צום פאָלק, אַזוי ווי אַלץ וואָס משה האָט באַפוילן יהושוען. און דאָס פאָלק האָט געאײַלט און איז אַריבערגעגאַנגען. [11] און עס איז געווען, ווי דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיקט אַריבערגיין, אַזוי איז אַריבערגעגאַנגען דער אָרון פון גאָט און די כּהנים פאַרן פאָלק.

[12] און די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון גָד, און דער האַלבער שבט מנשה, זיינען אַריבערגעגאַנגען באַוואָפנטע פאַרויס פאַר די קינדער פון ישראל, אַזוי ווי משה האָט צו זיי גערעדט. [13] אַרום פערציק טויזנט באַוואָפנטע חיל זיינען אַריבערגעגאַנגען פאַר גאָטס אָנגעזיכט אויף מלחמה, צו די פלוינען פון יריחו.

[14] אין יענעם טאָג האָט גאָט געגרייסט יהושוען פאַר די אויגן פון גאַנץ ישראל, און זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אים אַזוי ווי זיי האָבן מורא געהאַט פאַר משהן, אַלע טעג פון זיין לעבן.

[15] און גאָט האָט געזאָגט צו יהושוען, אַזוי צו זאָגן: [16] באַפעל די כּהנים וואָס טראָגן דעם אָרון פון געזעץ, זיי זאָלן אַרויפגיין פון יַרדן.

[17] האָט יהושע באַפוילן די כּהנים, אַזוי צו זאָגן: גייט אַרויף פון יַרדן. [18] און עס איז געווען, אַז די כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון פון גאָטס בונד, זיינען אַרויפגעגאַנגען פון מיטן יַרדן, ווי די פוסטריט פון די כּהנים האָבן זיך אויפגעהויבן אויף דער יבשה, אַזוי האָבן די וואַסערן פון יַרדן זיך אומגעקערט אויף זייער אָרט, און זיינען געגאַנגען איבער אַלע זיינע ברעגן אַזוי ווי נעכטן־אײַערנעכטן.

בֶּעָשׂוֹר לַחֹדֶשׁ הָרִאשׁוֹן וַיַּחֲנוּ בַּגִּלְגָּל בִּקְצֵה מִזְרַח יְרִיחוֹ׃
וְאֵת שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר לָקְחוּ מִן־ כ
הַיַּרְדֵּן הֵקִים יְהוֹשֻׁעַ בַּגִּלְגָּל׃ וַיֹּאמֶר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כא
לֵאמֹר אֲשֶׁר יִשְׁאָלוּן בְּנֵיכֶם מָחָר אֶת־אֲבוֹתָם לֵאמֹר
מָה הָאֲבָנִים הָאֵלֶּה׃ וְהוֹדַעְתֶּם אֶת־בְּנֵיכֶם לֵאמֹר כב
בַּיַּבָּשָׁה עָבַר יִשְׂרָאֵל אֶת־הַיַּרְדֵּן הַזֶּה׃ אֲשֶׁר־הוֹבִישׁ כג
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֶת־מֵי הַיַּרְדֵּן מִפְּנֵיכֶם עַד־עָבְרְכֶם
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לְיַם־סוּף אֲשֶׁר־הוֹבִישׁ
מִפָּנֵינוּ עַד־עָבְרֵנוּ׃ לְמַעַן דַּעַת כָּל־עַמֵּי הָאָרֶץ אֶת־יַד כד
יְהוָה כִּי חֲזָקָה הִיא לְמַעַן יְרָאתֶם אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
כָּל־הַיָּמִים׃

## ה

וַיְהִי כִשְׁמֹעַ כָּל־מַלְכֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן יָמָּה א
וְכָל־מַלְכֵי הַכְּנַעֲנִי אֲשֶׁר עַל־הַיָּם אֵת אֲשֶׁר־הוֹבִישׁ יְהוָה
אֶת־מֵי הַיַּרְדֵּן מִפְּנֵי בְנֵי־יִשְׂרָאֵל עַד־עָבְרֵנוּ וַיִּמַּס לְבָבָם
וְלֹא־הָיָה בָם עוֹד רוּחַ מִפְּנֵי בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל׃ בָּעֵת ב
הַהִיא אָמַר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ עֲשֵׂה לְךָ חַרְבוֹת צֻרִים
וְשׁוּב מֹל אֶת־בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שֵׁנִית׃ וַיַּעַשׂ־לוֹ יְהוֹשֻׁעַ חַרְבוֹת ג
צֻרִים וַיָּמָל אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־גִּבְעַת הָעֲרָלוֹת׃ וְזֶה ד
הַדָּבָר אֲשֶׁר־מָל יְהוֹשֻׁעַ כָּל־הָעָם הַיֹּצֵא מִמִּצְרַיִם
הַזְּכָרִים כֹּל ׀ אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה מֵתוּ בַמִּדְבָּר בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתָם
מִמִּצְרָיִם׃ כִּי־מֻלִים הָיוּ כָּל־הָעָם הַיֹּצְאִים וְכָל־הָעָם ה
הַיִּלֹּדִים בַּמִּדְבָּר בַּדֶּרֶךְ בְּצֵאתָם מִמִּצְרַיִם לֹא־מָלוּ׃ כִּי ׀ ו
אַרְבָּעִים שָׁנָה הָלְכוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר עַד־תֹּם כָּל־
הַגּוֹי אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הַיֹּצְאִים מִמִּצְרַיִם אֲשֶׁר לֹא־שָׁמְעוּ
בְּקוֹל יְהוָה אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לָהֶם לְבִלְתִּי הַרְאוֹתָם
אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לַאֲבוֹתָם לָתֶת לָנוּ אֶרֶץ

ה, א׳ עברם קרי   ב׳ הפטרת יום ראשון של פסח

19 און דאָס פֿאָלק איז אַרויפֿגעגאַנגען פֿון יַרדן אין צענטן טאָג פֿון ערשטן חודש, און זיי האָבן גערוט אין גִלגָל, אין מזרח־עק פֿון יריחו. 20 און דידאָזיקע צוועלף שטיינער, וואָס זיי האָבן אַרויסגענומען פֿון יַרדן, האָט יהושוּע אויפֿגעשטעלט אין גִלגָל. 21 און ער האָט געזאָגט צו די קינדער פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: אַז אײַערע קינדער וועלן שפּעטער אַהין פֿרעגן זייערע עלטערן, אַזוי צו זאָגן: וואָס זײַנען דידאָזיקע שטיינער? 22 זאָלט איר מאַכן וויסן אײַערע קינדער, אַזוי צו זאָגן: אויף טריקעניש איז ישׂראל אַריבערגעגאַנגען דעמדאָזיקן יַרדן. 23 וואָרום יהוה אײַער גאָט האָט אויסגעטריקנט די וואַסערן פֿון יַרדן פֿון פֿאַר אײַך, ביז איר זײַט אַריבערגעגאַנגען, אַזוי ווי יהוה אײַער גאָט האָט געטאָן צום ים־סוף, וואָס ער האָט אויסגעטריקנט פֿון פֿאַר אונדז, ביז מיר זײַנען אַריבערגעגאַנגען; 24 כּדי אַלע פֿעלקער פֿון דער ערד זאָלן וויסן די האַנט פֿון יהוה אַז זי איז שטאַרק; כּדי איר זאָלט מורא האָבן פֿאַר יהוה אײַער גאָט אַלע טעג.

ה 1 און עס איז געווען, ווי די מלכים פֿון דעם אֱמורי וואָס אויף דער זײַט יַרדן, צו מערב, און אַלע מלכים פֿון דעם כּנַעני וואָס בײַם ים, האָבן געהערט אַז גאָט האָט אויסגעטריקנט די וואַסערן פֿון יַרדן פֿון פֿאַר די קינדער פֿון ישׂראל, ביז זיי זײַנען אַריבערגעגאַנגען, אַזוי איז זייער האַרץ צעגאַנגען, און אַן אָטעם איז מער ניט געבליבן אין זיי פֿון וועגן די קינדער פֿון ישׂראל.

2 אין יענער צײַט האָט גאָט געזאָגט צו יהושוּען: מאַך דיר שטיינערנע מעסערס, און מַל ווידער די קינדער פֿון ישׂראל, אַ צווייט מאָל. 3 האָט יהושוּע זיך געמאַכט שטיינערנע מעסערס, און האָט געמַלט די קינדער פֿון ישׂראל אין גִבעת־הָעֲרָלות[א].

4 און דאָס איז די זאַך פֿאַרוואָס יהושוּע האָט געמַלט: דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס איז אַרויסגעגאַנגען פֿון מִצרַיִם, די מאַנספּאַרשוינען, אַלע קריגסלײַט, זײַנען אויסגעשטאָרבן אין דער מדבּר אונטערוועגנס נאָך זייער אַרויסגיין פֿון מִצרַיִם. 5 וואָרום דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען, זײַנען געווען געמַלט, אָבער דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס זײַנען געבאָרן געוואָרן אין דער מדבּר אונטערוועגנס נאָך זייער אַרויסגיין פֿון מִצרַיִם, האָט מען ניט געמַלט. 6 וואָרום פֿערציק יאָר זײַנען די קינדער פֿון ישׂראל געגאַנגען אין דער מדבּר, ביז עס איז פֿאַרלענדט געוואָרן די גאַנצע אומה, די קריגסלײַט וואָס זײַנען אַרויסגעגאַנגען פֿון מִצרַיִם, וואָס האָבן ניט צוגעהערט צו דעם קול פֿון גאָט, די וואָס גאָט האָט זיי געשוואָרן, זיי ניט צו לאָזן זען דאָס לאַנד וואָס גאָט האָט געשוואָרן זייערע עלטערן, אונדז צו געבן, אַ לאַנד וואָס פֿליסט מיט

[א] דאָס בערגל פֿון פֿאָרהויטן.

מילך און האָניק; ⁷ נאָר זייערע קינדער האָט ער אויפֿ־
געשטעלט אָנשטאָט זיי. זיי האָט דאָס יהושע געמַלט,
ווייל זיי זיינען געווען אומבאַשניטן, וואָרום מע האָט זיי
ניט געמַלט אונטערוועגנס.

⁸ און עס איז געווען, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק האָבן
געענדיקט זיך מַלן, זיינען זיי געזעסן אויף זייער אָרט אין
לאַגער ביז זיי זיינען געזונט געוואָרן.

⁹ און גאָט האָט געזאָגט צו יהושוען: היינט האָב איך
אַראָפּגעקייקלט פֿון אַייך די חרפּה פֿון מִצרַיִם. דרום
רופֿט מען יענעם אָרט גִלגָל[א] ביז אויף היינטיקן טאָג.

¹⁰ און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן גערוט אין גִלגָל;
און זיי האָבן געמאַכט דעם קָרבּן־פֶּסַח אין פֿערצנטן טאָג
פֿון חודש, אין אָוונט, אין די פּלוינען פֿון יריחו. ¹¹ און
זיי האָבן געגעסן פֿון דער תּבֿואה פֿון לאַנד אויף מאָרגן
נאָכן קָרבּן־פֶּסַח, מצות און געבּרענטע זאַנגען, אין דעם־
דאָזיקן אייגענעם טאָג. ¹² און דער מַן האָט אויפֿגעהערט
אויף מאָרגן, אַז זיי האָבן געגעסן פֿון דער תּבֿואה פֿון
לאַנד; און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן מער ניט געהאַט
קיין מַן; און זיי האָבן געגעסן פֿון דער תּבֿואה פֿון לאַנד
כּנַעַן אין יענעם יאָר.

¹³ און עס איז געווען, אַז יהושע איז געווען אין יריחו,
האָט ער אויפֿגעהויבן זיינע אויגן און געזען, ערשט אַ מאַן
שטייט אַקעגן אים, מיט זיין שווערד אַרויסגעצויגן אין זיין
האַנט. איז יהושע צוגעגאַנגען צו אים, און האָט צו אים
געזאָגט: ביסטו פֿאַר אונדז, אָדער פֿאַר אונדזערע פֿיינט? ¹⁴ האָט ער געענטפֿערט: ניין, נייערט איך בין דער חיל־
פֿירער פֿון גאָט; אָקאָרשט בין איך געקומען. איז יהושע געפֿאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד, און האָט זיך געבּוקט,
און האָט צו אים געזאָגט: וואָס וויל מיין האַר רעדן צו זיין קנעכט? ¹⁵ האָט דער חיל־פֿירער פֿון גאָט געזאָגט צו יהושוען:
צי אַראָפּ דיין שוך פֿון דיין פֿוס, וואָרום דער אָרט וואָס דו שטייסט אויף אים, ער איז הייליק. און יהושע האָט אַזוי
געטאָן.

ו ¹ און יריחו איז געווען פֿאַרשפּאַרט און פֿאַרשלאָסן פֿון וועגן די קינדער פֿון ישׂראל; ניט אַרויס און ניט אַריין.
² האָט גאָט געזאָגט צו יהושוען: זע, איך האָב געגעבן אין דיין האַנט יריחו און איר מלך, די שטאַרקע גיבּורים.
³ זאָלט איר, אַלע מלחמה־לייט, אַרומגיין די שטאָט רונד אַרום איין מאָל. אַזוי זאָלסטו טאָן זעקס טעג. ⁴ און זיבּן
כּהנים זאָלן טראָגן זיבּן שופֿרות פֿון ווידערס פֿאַר דעם אָרון; און אויפֿן זיבּעטן טאָג זאָלט איר אַרומגיין די שטאָט
זיבּן מאָל; און די כּהנים זאָלן בּלאָזן אין די שופֿרות. ⁵ און עס וועט זיין, ווען מע גיט אַן אויסגעצויגענעם בּלאָז מיטן
האָרן פֿון ווידער, ווי איר הערט דעם קָול פֿון שופֿר, זאָל דאָס גאַנצע פֿאָלק שאַלן אַ גרויסע שאַלונג, און די מויער

ז זָבַת חָלָב וּדְבָשׁ׃ וְאֶת־בְּנֵיהֶם הֵקִים תַּחְתָּם אֹתָם מָל
ח יְהוֹשֻׁעַ כִּי־עֲרֵלִים הָיוּ כִּי לֹא־מָלוּ אוֹתָם בַּדָּרֶךְ׃ וַיְהִי
כַּאֲשֶׁר־תַּמּוּ כָל־הַגּוֹי לְהִמּוֹל וַיֵּשְׁבוּ תַחְתָּם בַּמַּחֲנֶה עַד
ט חֲיוֹתָם׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ הַיּוֹם גַּלּוֹתִי אֶת־
חֶרְפַּת מִצְרַיִם מֵעֲלֵיכֶם וַיִּקְרָא שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא גִּלְגָּל
י עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיַּחֲנוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּגִּלְגָּל וַיַּעֲשׂוּ אֶת־הַפֶּסַח
יא בְּאַרְבָּעָה עָשָׂר יוֹם לַחֹדֶשׁ בָּעֶרֶב בְּעַרְבוֹת יְרִיחוֹ׃ וַיֹּאכְלוּ
מֵעֲבוּר הָאָרֶץ מִמָּחֳרַת הַפֶּסַח מַצּוֹת וְקָלוּי בְּעֶצֶם הַיּוֹם
יב הַזֶּה׃ וַיִּשְׁבֹּת הַמָּן מִמָּחֳרָת בְּאָכְלָם מֵעֲבוּר הָאָרֶץ וְלֹא־
הָיָה עוֹד לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל מָן וַיֹּאכְלוּ מִתְּבוּאַת אֶרֶץ כְּנַעַן
יג בַּשָּׁנָה הַהִיא׃ וַיְהִי בִּהְיוֹת יְהוֹשֻׁעַ בִּירִיחוֹ וַיִּשָּׂא עֵינָיו
וַיַּרְא וְהִנֵּה־אִישׁ עֹמֵד לְנֶגְדּוֹ וְחַרְבּוֹ שְׁלוּפָה בְּיָדוֹ וַיֵּלֶךְ
יד יְהוֹשֻׁעַ אֵלָיו וַיֹּאמֶר לוֹ הֲלָנוּ אַתָּה אִם־לְצָרֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר ׀
לֹא כִּי אֲנִי שַׂר־צְבָא־יְהוָה עַתָּה בָאתִי וַיִּפֹּל יְהוֹשֻׁעַ
אֶל־פָּנָיו אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ וַיֹּאמֶר לוֹ מָה אֲדֹנִי מְדַבֵּר אֶל־
טו עַבְדּוֹ׃ וַיֹּאמֶר שַׂר־צְבָא יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ שַׁל־נַעַלְךָ מֵעַל
רַגְלֶךָ כִּי הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אַתָּה עֹמֵד עָלָיו קֹדֶשׁ הוּא וַיַּעַשׂ
יְהוֹשֻׁעַ כֵּן׃

ו

א וִירִיחוֹ סֹגֶרֶת וּמְסֻגֶּרֶת מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֵין יוֹצֵא וְאֵין
ב בָּא׃ * וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ רְאֵה נָתַתִּי בְיָדְךָ אֶת־
ג יְרִיחוֹ וְאֶת־מַלְכָּהּ גִּבּוֹרֵי הֶחָיִל׃ וְסַבֹּתֶם אֶת־הָעִיר כֹּל
אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הַקֵּיף אֶת־הָעִיר פַּעַם אֶחָת כֹּה תַעֲשֶׂה
ד שֵׁשֶׁת יָמִים׃ וְשִׁבְעָה כֹהֲנִים יִשְׂאוּ שִׁבְעָה שׁוֹפְרוֹת
הַיּוֹבְלִים לִפְנֵי הָאָרוֹן וּבַיּוֹם הַשְּׁבִיעִי תָּסֹבּוּ אֶת־הָעִיר
ה שֶׁבַע פְּעָמִים וְהַכֹּהֲנִים יִתְקְעוּ בַּשּׁוֹפָרוֹת׃ וְהָיָה בִּמְשֹׁךְ ׀
בְּקֶרֶן הַיּוֹבֵל בְּשָׁמְעֲכֶם אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר יָרִיעוּ כָל־הָעָם

ה, יד׳ קמץ בז״ק   טו׳ חסר יו״ד   ו, א׳ דלג אל כו׳   ג׳ יחוד י׳   ה׳ כשמעכם קרי

[א] קייקלונג.

תְּרוּעָה גְדוֹלָה וְנָפְלָה חוֹמַת הָעִיר תַּחְתֶּיהָ וְעָלוּ הָעָם
אִישׁ נֶגְדּוֹ׃ וַיִּקְרָא יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן אֶל־הַכֹּהֲנִים וַיֹּאמֶר ו
אֲלֵהֶם שְׂאוּ אֶת־אֲרוֹן הַבְּרִית וְשִׁבְעָה כֹהֲנִים יִשְׂאוּ שִׁבְעָה
שׁוֹפְרוֹת יוֹבְלִים לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־הָעָם ז
עִבְרוּ וְסֹבּוּ אֶת־הָעִיר וְהֶחָלוּץ יַעֲבֹר לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה׃
וַיְהִי כֶּאֱמֹר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם וְשִׁבְעָה הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאִים ח
שִׁבְעָה שׁוֹפְרוֹת הַיּוֹבְלִים לִפְנֵי יְהוָה עָבְרוּ וְתָקְעוּ
בַּשּׁוֹפָרוֹת וַאֲרוֹן בְּרִית יְהוָה הֹלֵךְ אַחֲרֵיהֶם׃ וְהֶחָלוּץ ט
הֹלֵךְ לִפְנֵי הַכֹּהֲנִים תָּקְעוּ הַשּׁוֹפָרוֹת וְהַמְאַסֵּף הֹלֵךְ אַחֲרֵי
הָאָרוֹן הָלוֹךְ וְתָקוֹעַ בַּשּׁוֹפָרוֹת׃ וְאֶת־הָעָם צִוָּה יְהוֹשֻׁעַ י
לֵאמֹר לֹא תָרִיעוּ וְלֹא־תַשְׁמִיעוּ אֶת־קוֹלְכֶם וְלֹא־יֵצֵא
מִפִּיכֶם דָּבָר עַד יוֹם אָמְרִי אֲלֵיכֶם הָרִיעוּ וַהֲרֵיעֹתֶם׃
וַיַּסֵּב אֲרוֹן־יְהוָה אֶת־הָעִיר הַקֵּף פַּעַם אֶחָת וַיָּבֹאוּ הַמַּחֲנֶה יא
וַיָּלִינוּ בַּמַּחֲנֶה׃ וַיַּשְׁכֵּם יְהוֹשֻׁעַ בַּבֹּקֶר וַיִּשְׂאוּ הַכֹּהֲנִים יב
אֶת־אֲרוֹן יְהוָה׃ וְשִׁבְעָה הַכֹּהֲנִים נֹשְׂאִים שִׁבְעָה שׁוֹפְרוֹת יג
הַיֹּבְלִים לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה הֹלְכִים הָלוֹךְ וְתָקְעוּ בַּשּׁוֹפָרוֹת
וְהֶחָלוּץ הֹלֵךְ לִפְנֵיהֶם וְהַמְאַסֵּף הֹלֵךְ אַחֲרֵי אֲרוֹן יְהוָה
הוֹלֵךְ וְתָקוֹעַ בַּשּׁוֹפָרוֹת׃ וַיָּסֹבּוּ אֶת־הָעִיר בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי יד
פַּעַם אַחַת וַיָּשֻׁבוּ הַמַּחֲנֶה כֹּה עָשׂוּ שֵׁשֶׁת יָמִים׃
וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיַּשְׁכִּמוּ בַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר וַיָּסֹבּוּ טו
אֶת־הָעִיר כַּמִּשְׁפָּט הַזֶּה שֶׁבַע פְּעָמִים רַק בַּיּוֹם הַהוּא
סָבְבוּ אֶת־הָעִיר שֶׁבַע פְּעָמִים׃ וַיְהִי בַּפַּעַם הַשְּׁבִיעִית טז
תָּקְעוּ הַכֹּהֲנִים בַּשּׁוֹפָרוֹת וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם
הָרִיעוּ כִּי־נָתַן יְהוָה לָכֶם אֶת־הָעִיר׃ וְהָיְתָה הָעִיר יז
חֵרֶם הִיא וְכָל־אֲשֶׁר־בָּהּ לַיהוָה רַק רָחָב הַזּוֹנָה
תִּחְיֶה הִיא וְכָל־אֲשֶׁר אִתָּהּ בַּבַּיִת כִּי הֶחְבְּאַתָה אֶת־
הַמַּלְאָכִים אֲשֶׁר שָׁלָחְנוּ׃ וְרַק־אַתֶּם שִׁמְרוּ מִן־הַחֵרֶם יח

ז׳ ויאמר קרי   ט׳ תקעי קרי   יג׳ הלוך קרי   טו׳ כעלות קרי

פון דער שטאָט וועט אײַנפאַלן אונטער זיך, און דאָס פאָלק וועט אַרויפגיין איטלעכער אַקעגן זיך.

6 האָט יהושע דער זון פון נון גערופן די כּהנים, און ער האָט צו זיי געזאָגט: טראָגט דעם אָרון פון בונד, און זיבן כּהנים זאָלן טראָגן זיבן שופרות פון ווידערס פאַר דעם אָרון פון גאָט. 7 און ער האָט געזאָגט צום פאָלק: ציט, און גייט אַרום די שטאָט, און די באַוואָפנטע זאָלן ציען פאַר דעם אָרון פון גאָט.

8 איז געשען אַזוי ווי יהושע האָט אָנגעזאָגט דעם פאָלק; און די זיבן כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן די זיבן שופרות פון ווידערס פאַר גאָט, האָבן געצויגן, און געבלאָזן אין די שופרות, און דער אָרון פון גאָטס בונד איז געגאַנגען נאָך זיי. 9 און די באַוואָפנטע זײַנען געגאַנגען פאַר די כּהנים, וואָס האָבן געבלאָזן אין די שופרות, און דער הינטער־חיל איז געגאַנגען נאָך דעם אָרון; געגאַנגען און געבלאָזן אין די שופרות.

10 און דעם פאָלק האָט יהושע באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט שאַלן, און ניט לאָזן הערן אײַער קול, און אַ וואָרט זאָל ניט אַרויסגיין פון אײַער מויל, ביז דעם טאָג וואָס איך זאָג צו אײַך: שאַלט! דענסמאָל זאָלט איר שאַלן.

11 און ער האָט געלאָזט דעם אָרון פון גאָט אַרומגיין די שטאָט רונד אַרום איין מאָל; און זיי זײַנען צוריקגעקומען אין לאַגער, און האָבן גענעכטיקט אין לאַגער.

12 און יהושע האָט זיך געפעדערט אין דער פרי; און די כּהנים האָבן געטראָגן דעם אָרון פון גאָט. 13 און די זיבן כּהנים, וואָס האָבן געטראָגן די זיבן שופרות פון ווידערס פאַר דעם אָרון פון גאָט, זײַנען געגאַנגען נאָכאַנאַנד און געבלאָזן אין די שופרות, און די באַוואָפנטע זײַנען געגאַנגען זיי פאַרויס, און דער הינטער־חיל איז געגאַנגען נאָך דעם אָרון פון גאָט; געגאַנגען און געבלאָזן אין די שופרות. 14 אויך אויפן צווייטן טאָג זײַנען זיי אַרומגעגאַנגען די שטאָט איין מאָל, און זיך אומגעקערט אין לאַגער. אַזוי האָבן זיי געטאָן זעקס טעג. 15 און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג, האָבן זיי זיך געפעדערט ווי דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען, און זיי זײַנען אַרומגעגאַנגען די שטאָט אויפן דאָזיקן שטייגער זיבן מאָל; בלויז אין יענעם טאָג זײַנען זיי אַרומגעגאַנגען די שטאָט זיבן מאָל. 16 און עס איז געווען בײַם זיבעטן מאָל, האָבן די כּהנים געבלאָזן אין די שופרות, און יהושע האָט געזאָגט צום פאָלק: שאַלט! וואָרום גאָט האָט אײַך געגעבן די שטאָט. 17 און די דאָזיקע שטאָט זאָל זײַן חרם צו גאָט, זי און אַלץ וואָס אין איר; נאָר רָחָב די זונה זאָל בלײַבן לעבן, זי און אַלע וואָס בײַ איר אין הויז, ווײַל זי האָט באַהאַלטן די שלוחים וואָס מיר האָבן געשיקט. 18 און איר היט אײַך נאָר

פון דעם חרם, איר זאָלט אַליין ניט ווערן חרם, אַז איר
וועט נעמען פון דעם חרם, און מאַכן דעם לאַגער פון
ישראל צו חרם, און אים פאַראומגליקן. [19] און דאָס
גאַנצע זילבער און גאָלד, און קופּערנע און אייזערנע
כּלים, דאָס זאָל זיין הייליק צו גאָט; אין שאַץ פון גאָט זאָל
עס אַריין.

[20] האָט דאָס פאָלק געשאַלט, און מע האָט געבלאָזן
אין די שופרות. און עס איז געווען, ווי דאָס פאָלק האָט
געהערט דעם קול פון שופר, אַזוי האָט דאָס פאָלק
געשאַלט אַ גרויסע שאַלונג, און די מויער איז איינגעפאַלן
אונטער זיך, און דאָס פאָלק איז אַרויפגעגאַנגען אין שטאָט
איטלעכער אַקעגן זיך; און זיי האָבן באַצוווּנגען די שטאָט.
[21] און זיי האָבן פאַרווּיסט אַלץ וואָס אין שטאָט, פון אַ מאַן
ביז אַ פרוי, פון יונג ביז אַלט, און ביז אַן אָקס, און אַ
שעפּס, און אַן אייזל, מיטן שאַרף פון שווערד.

[22] און צו די צוויי מענער וואָס האָבן אויסגעקוקט
דאָס לאַנד האָט יהושע געזאָגט: גייט אַריין אין הויז פון
דער פרוי דער זונה, און פירט אַרויס פון דאָרטן די פרוי,
און אַלע וואָס געהערן צו איר, אַזוי ווי איר האָט איר
געשוואָרן.

[23] זיינען די יונגעלייט די אויסקוקערס אַריינגעגאַנ־
גען, און האָבן אַרויסגעפירט רָחָבן, און איר פאָטער און
איר מוטער, און אירע ברידער, און אַלע וואָס האָבן
געהערט צו איר, אויך איר גאַנצע משפחה האָבן זיי
אַרויסגעפירט, און זיי איבערגעלאָזט דערויסן פון לאַגער
פון ישראל. [24] און די שטאָט האָבן זיי פאַרברענט אין
פייער מיט אַלץ וואָס אין איר; בלויז דאָס זילבער און
דאָס גאָלד, און די קופּערנע און אייזערנע כּלים, האָבן
זיי אָפּגעגעבן אין שאַץ פון גאָטס הויז. [25] און רָחָב די זונה, און איר פאָטערס הויזגעזינט, און אַלע וואָס האָבן געהערט
צו איר, האָט יהושע געלאָזט לעבן, און זי איז געבליבן צווישן ישראל ביז אויף היינטיקן טאָג; ווייל זי האָט באַהאַלטן די
שלוחים וואָס יהושע האָט געשיקט אויסצוקוקן יריחו.

[26] און יהושע האָט באַשוואָרן אין יענער צייט, אַזוי צו זאָגן: פאַרשאָלטן פאַר גאָט דער מאַן וואָס וועט אויפשטיין
און וועט אָפּבויען דידאָזיקע שטאָט יריחו! מיט [דעם לעבן פון] זיין בּכור זאָל ער לייגן איר גרונטפעסט, און מיט זיין
ייִנגסטן זאָל ער אַריינשטעלן אירע טירן.

[27] און גאָט איז געווען מיט יהושען, און זיין שֵם איז געווען אין גאַנצן לאַנד.

פֶּן־תַּחֲרִימוּ וּלְקַחְתֶּם מִן־הַחֵרֶם וְשַׂמְתֶּם אֶת־מַחֲנֵה
יט יִשְׂרָאֵל לְחֵרֶם וַעֲכַרְתֶּם אוֹתוֹ׃ וְכֹל ׀ כֶּסֶף וְזָהָב וּכְלֵי
כ נְחֹשֶׁת וּבַרְזֶל קֹדֶשׁ הוּא לַיהוָה אוֹצַר יְהוָה יָבוֹא׃ וַיָּרַע
הָעָם וַיִּתְקְעוּ בַּשֹּׁפָרוֹת וַיְהִי כִשְׁמֹעַ הָעָם אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר
וַיָּרִיעוּ הָעָם תְּרוּעָה גְדוֹלָה וַתִּפֹּל הַחוֹמָה תַּחְתֶּיהָ וַיַּעַל
כא הָעָם הָעִירָה אִישׁ נֶגְדּוֹ וַיִּלְכְּדוּ אֶת־הָעִיר׃ וַיַּחֲרִימוּ אֶת־
כָּל־אֲשֶׁר בָּעִיר מֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה מִנַּעַר וְעַד־זָקֵן וְעַד שׁוֹר
כב וָשֶׂה וַחֲמוֹר לְפִי־חָרֶב׃ וְלִשְׁנַיִם הָאֲנָשִׁים הַמְרַגְּלִים אֶת־
הָאָרֶץ אָמַר יְהוֹשֻׁעַ בֹּאוּ בֵּית־הָאִשָּׁה הַזּוֹנָה וְהוֹצִיאוּ
מִשָּׁם אֶת־הָאִשָּׁה וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לָהּ כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתֶּם
כג לָהּ׃ וַיָּבֹאוּ הַנְּעָרִים הַמְרַגְּלִים וַיֹּצִיאוּ אֶת־רָחָב וְאֶת־
אָבִיהָ וְאֶת־אִמָּהּ וְאֶת־אַחֶיהָ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לָהּ וְאֵת כָּל־
כד מִשְׁפְּחוֹתֶיהָ הוֹצִיאוּ וַיַּנִּיחוּם מִחוּץ לְמַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל׃ וְהָעִיר
שָׂרְפוּ בָאֵשׁ וְכָל־אֲשֶׁר־בָּהּ רַק ׀ הַכֶּסֶף וְהַזָּהָב וּכְלֵי
כה הַנְּחֹשֶׁת וְהַבַּרְזֶל נָתְנוּ אוֹצַר בֵּית־יְהוָה׃ וְאֶת־רָחָב הַזּוֹנָה
וְאֶת־בֵּית אָבִיהָ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לָהּ הֶחֱיָה יְהוֹשֻׁעַ וַתֵּשֶׁב
בְּקֶרֶב יִשְׂרָאֵל עַד הַיּוֹם הַזֶּה כִּי הֶחְבִּיאָה אֶת־הַמַּלְאָכִים
כו אֲשֶׁר־שָׁלַח יְהוֹשֻׁעַ לְרַגֵּל אֶת־יְרִיחוֹ׃ וַיַּשְׁבַּע יְהוֹשֻׁעַ
בָּעֵת הַהִיא לֵאמֹר אָרוּר הָאִישׁ לִפְנֵי יְהוָה אֲשֶׁר יָקוּם
וּבָנָה אֶת־הָעִיר הַזֹּאת אֶת־יְרִיחוֹ בִּבְכֹרוֹ יְיַסְּדֶנָּה וּבִצְעִירוֹ
כז יַצִּיב דְּלָתֶיהָ׃ וַיְהִי יְהוָה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וַיְהִי שָׁמְעוֹ
בְּכָל־הָאָרֶץ׃

ז

א וַיִּמְעֲלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מַעַל בַּחֵרֶם וַיִּקַּח עָכָן בֶּן־כַּרְמִי
בֶן־זַבְדִּי בֶן־זֶרַח לְמַטֵּה יְהוּדָה מִן־הַחֵרֶם וַיִּחַר־אַף יְהוָה
ב בִּבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁלַח יְהוֹשֻׁעַ אֲנָשִׁים מִירִיחוֹ הָעַי
אֲשֶׁר עִם־בֵּית אָוֶן מִקֶּדֶם לְבֵית־אֵל וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם
לֵאמֹר עֲלוּ וְרַגְּלוּ אֶת־הָאָרֶץ וַיַּעֲלוּ הָאֲנָשִׁים וַיְרַגְּלוּ אֶת־

ו, כז׳ ע״כ

ז

[1] און די קינדער פון ישראל האָבן געפעלשט אַ פעלשונג אין דעם חרם, און עָכָן דער זון פון כַּרמי דעם זון פון זַבדי,
דעם זון פון זֶרחן, פון שבט יהודה, האָט גענומען פון דעם חרם, און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף די קינדער
פון ישראל.

[2] און יהושע האָט געשיקט מענטשן פון יריחו קיין עַי וואָס לעבן בית־אָוֶן, אין מזרח פון בית־אֵל, און ער האָט זיי
אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: גייט אַרויף, און קוקט אויס דאָס לאַנד. זיינען די מענטשן אַרויפגעגאַנגען, און האָבן אויסגעקוקט

הָעָי׃ וַיָּשֻׁבוּ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו אַל־יַעַל כָּל־הָעָם ג
כְּאַלְפַּיִם אִישׁ אוֹ כִּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים אִישׁ יַעֲלוּ וְיַכּוּ אֶת־
הָעָי אַל־תְּיַגַּע שָׁמָּה אֶת־כָּל־הָעָם כִּי מְעַט הֵמָּה׃ וַיַּעֲלוּ ד
מִן־הָעָם שָׁמָּה כִּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים אִישׁ וַיָּנֻסוּ לִפְנֵי אַנְשֵׁי
הָעָי׃ וַיַּכּוּ מֵהֶם אַנְשֵׁי הָעַי כִּשְׁלֹשִׁים וְשִׁשָּׁה אִישׁ וַיִּרְדְּפוּם ה
לִפְנֵי הַשַּׁעַר עַד־הַשְּׁבָרִים וַיַּכּוּם בַּמּוֹרָד וַיִּמַּס לְבַב־הָעָם
וַיְהִי לְמָיִם׃ וַיִּקְרַע יְהוֹשֻׁעַ שִׂמְלֹתָיו וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו אַרְצָה ו
לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה עַד־הָעֶרֶב הוּא וְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲלוּ עָפָר
עַל־רֹאשָׁם׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֲהָהּ ׀ אֲדֹנָי יְהוִה לָמָה הֶעֱבַרְתָּ ז
הַעֲבִיר אֶת־הָעָם הַזֶּה אֶת־הַיַּרְדֵּן לָתֵת אֹתָנוּ בְּיַד הָאֱמֹרִי
לְהַאֲבִידֵנוּ וְלוּ הוֹאַלְנוּ וַנֵּשֶׁב בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן׃ בִּי אֲדֹנָי מָה ח
אֹמַר אַחֲרֵי אֲשֶׁר הָפַךְ יִשְׂרָאֵל עֹרֶף לִפְנֵי אֹיְבָיו׃ וְיִשְׁמְעוּ ט
הַכְּנַעֲנִי וְכֹל יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ וְנָסַבּוּ עָלֵינוּ וְהִכְרִיתוּ אֶת־
שְׁמֵנוּ מִן־הָאָרֶץ וּמַה־תַּעֲשֵׂה לְשִׁמְךָ הַגָּדוֹל׃ וַיֹּאמֶר י
יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ קֻם לָךְ לָמָּה זֶּה אַתָּה נֹפֵל עַל־פָּנֶיךָ׃
חָטָא יִשְׂרָאֵל וְגַם עָבְרוּ אֶת־בְּרִיתִי אֲשֶׁר צִוִּיתִי אוֹתָם יא
וְגַם לָקְחוּ מִן־הַחֵרֶם וְגַם גָּנְבוּ וְגַם כִּחֲשׁוּ וְגַם שָׂמוּ
בִכְלֵיהֶם׃ וְלֹא יֻכְלוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לָקוּם לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם יב
עֹרֶף יִפְנוּ לִפְנֵי אֹיְבֵיהֶם כִּי הָיוּ לְחֵרֶם לֹא אוֹסִיף לִהְיוֹת
עִמָּכֶם אִם־לֹא תַשְׁמִידוּ הַחֵרֶם מִקִּרְבְּכֶם׃ קֻם קַדֵּשׁ אֶת־ יג
הָעָם וְאָמַרְתָּ הִתְקַדְּשׁוּ לְמָחָר כִּי כֹה אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל חֵרֶם בְּקִרְבְּךָ יִשְׂרָאֵל לֹא תוּכַל לָקוּם לִפְנֵי
אֹיְבֶיךָ עַד־הֲסִירְכֶם הַחֵרֶם מִקִּרְבְּכֶם׃ וְנִקְרַבְתֶּם בַּבֹּקֶר יד
לְשִׁבְטֵיכֶם וְהָיָה הַשֵּׁבֶט אֲשֶׁר־יִלְכְּדֶנּוּ יְהוָה יִקְרַב
לַמִּשְׁפָּחוֹת וְהַמִּשְׁפָּחָה אֲשֶׁר־יִלְכְּדֶנָּה יְהוָה תִּקְרַב לַבָּתִּים
וְהַבַּיִת אֲשֶׁר יִלְכְּדֶנּוּ יְהוָה יִקְרַב לַגְּבָרִים׃ וְהָיָה הַנִּלְכָּד טו
בַּחֵרֶם יִשָּׂרֵף בָּאֵשׁ אֹתוֹ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ כִּי עָבַר אֶת־

ז׳ כצ״ל 25׳ הש׳ כצרי

עַי. [3] און זיי האָבן זיך אומגעקערט צו יהושוען, און האָבן צו אים געזאָגט: זאָל ניט אַרויפגיין דאָס גאַנצע פאָלק; אַרום צוויי טויזנט מאַן, אָדער אַרום דריי טויזנט מאַן, זאָלן אַרויפגיין און שלאָגן עַי. דאַרפסט ניט מיען אַהין דאָס גאַנצע פאָלק, וואָרום זיי זיינען ווינציק.

[4] זיינען אַרויפגעגאַנגען אַהין פון פאָלק אַרום דריי טויזנט מאַן; אָבער זיי זיינען אַנטלאָפן פאַר די מענטשן פון עַי. [5] און די מענטשן פון עַי האָבן פון זיי געשלאָגן אַרום זעקס און דרייסיק מאַן, און זיי האָבן זיי נאָכגעיאָגט פון פאַרן טויער ביז שבָרים, און האָבן זיי געשלאָגן ביים אַראָפגאַנג; און דאָס האַרץ פון פאָלק איז צעגאַנגען, און איז געוואָרן אַזוי ווי וואַסער.

[6] האָט יהושוּעַ צעריסן זיינע קליידער, און איז געפאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד פאַר דעם אָרון פון גאָט ביזן אָוונט, ער און די עלטסטע פון ישראל; און זיי האָבן אַרויפגעלייגט ערד אויף זייער קאָפּ. [7] און יהושוּעַ האָט געזאָגט: וויי, גאָט דו האַר, נאָך וואָס האָסטו גאָר אַריבערגעבראַכט דאָסדאָזיקע פאָלק איבערן יַרדן, אונדז צו געבן אין דער האַנט פון אֱמוֹרי, כדי אונדז אונטערצוברענגען? הלוואַי וואָלטן מיר באַשטאַנען און געבליבן אויף יענער זייט יַרדן! [8] איך בעט דיך, גאָט, וואָס קען איך זאָגן, נאָכדעם אַז ישראל האָט געמוזט קערן דעם נאַקן פאַר זיינע פיינט? [9] וואָרום דער כּנַעֲני און אַלע באַוווינער פון לאַנד וועלן דערהערן, און וועלן אונדז אַרומרינגלען, און פאַרשניידן אונדזער נאָמען פון דער ערד; און וואָס וועסטו טאָן פאַר דיין גרויסן נאָמען?

[10] האָט גאָט געזאָגט צו יהושוען: שטיי דיר אויף; נאָך וואָס דען פאַלסטו אויף דיין פּנים? [11] געזינדיקט האָט ישראל, און זיי האָבן אויך איבערגעטרעטן מיין בונד וואָס איך האָב זיי באַפוילן, און זיי האָבן אי גענומען פון חרם, אי געגנבעט, אי פאַרלייקנט, אי אַריינגעטאָן אין זייערע זאַכן. [12] דרום קענען די קינדער פון ישראל ניט באַשטיין פאַר זייערע פיינט; דעם נאַקן קערן זיי פאַר זייערע פיינט, ווייל זיי זיינען געוואָרן צו חרם; איך וועל מער ניט זיין מיט אייך, אויב איר וועט ניט פאַרטיליקן דעם חרם פון צווישן אייך. [13] שטיי אויף, און הייליק דאָס פאָלק, און זאָלסט זאָגן: הייליקט אייך אויף מאָרגן, וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: חרם איז צווישן דיר, ישראל; וועסט ניט קענען באַשטיין פאַר דיינע פיינט, ביז איר וועט אָפּטאָן דעם חרם פון צווישן אייך. [14] דרום זאָלט איר גענענען אין דער פרי לויט אייערע שבטים, און עס וועט זיין, דער שבט וואָס גאָט וועט אים פאַרנעמען, זאָל גענענען לויט די משפּחות, און די משפּחה וואָס גאָט וועט זי פאַרנעמען, זאָל גענענען לויט די הייזער, און דאָס הויז וואָס גאָט וועט עס פאַרנעמען, זאָל גענענען לויט די מענער. [15] און עס וועט זיין, דער וואָס וועט פאַרנומען ווערן מיטן חרם, זאָל פאַרברענט ווערן אין

טו בְּרִית יְהוָה וְכִי־עָשָׂה נְבָלָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיַּשְׁכֵּם יְהוֹשֻׁעַ
בַּבֹּקֶר וַיַּקְרֵב אֶת־יִשְׂרָאֵל לִשְׁבָטָיו וַיִּלָּכֵד שֵׁבֶט יְהוּדָה׃
יז וַיַּקְרֵב אֶת־מִשְׁפַּחַת יְהוּדָה וַיִּלְכֹּד אֵת מִשְׁפַּחַת הַזַּרְחִי
יח וַיַּקְרֵב אֶת־מִשְׁפַּחַת הַזַּרְחִי לַגְּבָרִים וַיִּלָּכֵד זַבְדִּי׃ וַיַּקְרֵב
אֶת־בֵּיתוֹ לַגְּבָרִים וַיִּלָּכֵד עָכָן בֶּן־כַּרְמִי בֶן־זַבְדִּי בֶּן־זֶרַח
יט לְמַטֵּה יְהוּדָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־עָכָן בְּנִי שִׂים־נָא כָבוֹד
לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְתֶן־לוֹ תוֹדָה וְהַגֶּד־נָא לִי מֶה עָשִׂיתָ
כ אַל־תְּכַחֵד מִמֶּנִּי׃ וַיַּעַן עָכָן אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וַיֹּאמַר אָמְנָה
אָנֹכִי חָטָאתִי לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְכָזֹאת וְכָזֹאת עָשִׂיתִי׃
כא וָאֵרֶא בַשָּׁלָל אַדֶּרֶת שִׁנְעָר אַחַת טוֹבָה וּמָאתַיִם שְׁקָלִים
כֶּסֶף וּלְשׁוֹן זָהָב אֶחָד חֲמִשִּׁים שְׁקָלִים מִשְׁקָלוֹ וָאֶחְמְדֵם
וָאֶקָּחֵם וְהִנָּם טְמוּנִים בָּאָרֶץ בְּתוֹךְ הָאָהֳלִי וְהַכֶּסֶף תַּחְתֶּיהָ׃
כב וַיִּשְׁלַח יְהוֹשֻׁעַ מַלְאָכִים וַיָּרֻצוּ הָאֹהֱלָה וְהִנֵּה טְמוּנָה
כג בְּאָהֳלוֹ וְהַכֶּסֶף תַּחְתֶּיהָ׃ וַיִּקָּחוּם מִתּוֹךְ הָאֹהֶל וַיְבִאוּם
אֶל־יְהוֹשֻׁעַ וְאֶל כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּצִּקֻם לִפְנֵי יְהוָה׃
כד וַיִּקַּח יְהוֹשֻׁעַ אֶת־עָכָן בֶּן־זֶרַח וְאֶת־הַכֶּסֶף וְאֶת־הָאַדֶּרֶת
וְאֶת־לְשׁוֹן הַזָּהָב וְאֶת־בָּנָיו וְאֶת־בְּנֹתָיו וְאֶת־שׁוֹרוֹ וְאֶת־
חֲמֹרוֹ וְאֶת־צֹאנוֹ וְאֶת־אָהֳלוֹ וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ וְכָל־
כה יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ וַיַּעֲלוּ אֹתָם עֵמֶק עָכוֹר׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ מֶה
עֲכַרְתָּנוּ יַעְכָּרְךָ יְהוָה בַּיּוֹם הַזֶּה וַיִּרְגְּמוּ אֹתוֹ כָל־יִשְׂרָאֵל
כו אֶבֶן וַיִּשְׂרְפוּ אֹתָם בָּאֵשׁ וַיִּסְקְלוּ אֹתָם בָּאֲבָנִים׃ וַיָּקִימוּ
עָלָיו גַּל־אֲבָנִים גָּדוֹל עַד הַיּוֹם הַזֶּה וַיָּשָׁב יְהוָה מֵחֲרוֹן
אַפּוֹ עַל־כֵּן קָרָא שֵׁם הַמָּקוֹם הַהוּא עֵמֶק עָכוֹר עַד
הַיּוֹם הַזֶּה׃

## ח

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אַל־תִּירָא וְאַל־תֵּחָת קַח עִמְּךָ
אֵת כָּל־עַם הַמִּלְחָמָה וְקוּם עֲלֵה הָעָי רְאֵה ׀ נָתַתִּי בְיָדְךָ

ז, כא׳ וארא ק   ח, א׳ קמץ בז״ק

פייער, ער און אַלץ וואָס געהערט צו אים; ווייל ער האָט
איבערגעטרעטן דעם בונד פון גאָט, און ווייל ער האָט
געטאָן אַ נבלה אין ישׂראל.
16 האָט יהושע זיך געפעדערט אין דער פרי, און
געמאַכט גענענען ישׂראל לויט זיינע שבטים; איז פאַר־
נומען געוואָרן שבט יהודה. 17 האָט ער געמאַכט גענענען
די משפחה פון יהודה, און ער האָט פאַרנומען די משפחה
פון די זרחים. האָט ער געמאַכט גענענען די משפחה
פון די זרחים לויט די מענער, און זבדי איז פאַרנומען
געוואָרן. 18 האָט ער געמאַכט גענענען זיין הויז לויט די
מענער, און עכן דער זון פון כּרמי דעם זון פון זבדי, דעם
זון פון זרח, פון שבט יהודה, איז פאַרנומען געוואָרן.
19 האָט יהושע געזאָגט צו עכנען: מיין זון, טו, איך
בעט דיך, כּבוד צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, און זיי זיך
מודה פאַר אים, און זאָג מיר, איך בעט דיך, וואָס דו
האָסט געטאָן; זאָלסט ניט פאַרהוילן פון מיר.
20 האָט עכן געענטפערט יהושוען, און האָט געזאָגט:
אמת, איך האָב געזינדיקט צו יהוה דעם גאָט פון ישׂראל,
און אַזוי און אַזוי האָב איך געטאָן. 21 איך האָב געזען אין
דעם רויב אַ גוטן מאַנטל פון שנער, און צוויי הונדערט
שקל זילבער, און אַ צונג גאָלד וואָס איר וואָג איז פופציק
שקל; האָב איך זיי געגלוסט, און האָב זיי צוגענומען, און
אָט זיינען זיי באַהאַלטן אין דער ערד אין מיטן פון מיין
געצעלט, און דאָס זילבער איז אונטער דעם.
22 האָט יהושע געשיקט שלוחים, און זיי זיינען אַוועקגעלאָפן צום געצעלט; ערשט עס איז באַהאַלטן אין זיין
געצעלט, און דאָס זילבער איז אונטער דעם. 23 האָבן זיי זיי אַרויסגענומען פון מיטן געצעלט, און געבראַכט צו
יהושוען, און צו אַלע קינדער פון ישׂראל, און זיי האָבן זיי אַוועקגעלייגט פאַר גאָט. 24 און יהושע און גאַנץ ישׂראל
מיט אים האָבן גענומען עכן דעם זון פון זרח, און דאָס זילבער, און דעם מאַנטל, און די צונג גאָלד, און זיינע זין,
און זיינע טעכטער, און זיינע אָקסן, און זיינע אייזלען, און זיינע שאָף, און זיין געצעלט, און אַלץ וואָס האָט געהערט צו
אים, און זיי האָבן זיי אַרויפגעבראַכט צום טאָל עכור. 25 און יהושע האָט געזאָגט: וואָס האָסטו אונדז פאַראומגליקט?
פאַראומגליקן זאָל דיך גאָט היינטיקן טאָג. און גאַנץ ישׂראל האָבן אים פאַרשטיינט מיט שטיינער; און זיי האָבן זיי פאַר־
ברענט אין פייער, און זיי פאַרוואָרפן מיט שטיינער. 26 און זיי האָבן אויפגעשטעלט איבער אים אַ גרויסן הויפן שטיינער
[וואָס שטייט] ביז אויף היינטיקן טאָג; און גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון זיין גרימצאָרן. דרום רופט מען יענעם אָרט דער
טאָל עכורא ביז אויף היינטיקן טאָג.

## ח

1 און גאָט האָט געזאָגט צו יהושוען: זאָלסט ניט מורא האָבן און ניט אַנגסטן; נעם מיט דיר דאָס גאַנצע מלחמה־
פאָלק, און שטיי אויף, גיי אַרויף אויף עי; זע, איך האָב געגעבן אין דיין האַנט דעם מלך פון עי, און זיין פאָלק,

א פאַראומגליקן.

אֶת־מֶלֶךְ הָעַי וְאֶת־עַמּוֹ וְאֶת־עִירוֹ וְאֶת־אַרְצוֹ׃ וְעָשִׂיתָ ב
לָעַי וּלְמַלְכָּהּ כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתָ לִירִיחוֹ וּלְמַלְכָּהּ רַק־שְׁלָלָהּ
וּבְהֶמְתָּהּ תָּבֹזּוּ לָכֶם שִׂים־לְךָ אֹרֵב לָעִיר מֵאַחֲרֶיהָ׃ וַיָּקָם ג
יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־עַם הַמִּלְחָמָה לַעֲלוֹת הָעָי וַיִּבְחַר יְהוֹשֻׁעַ
שְׁלֹשִׁים אֶלֶף אִישׁ גִּבּוֹרֵי הַחַיִל וַיִּשְׁלָחֵם לָיְלָה׃ וַיְצַו ד
אֹתָם לֵאמֹר רְאוּ אַתֶּם אֹרְבִים לָעִיר מֵאַחֲרֵי הָעִיר אַל־
תַּרְחִיקוּ מִן־הָעִיר מְאֹד וִהְיִיתֶם כֻּלְּכֶם נְכֹנִים׃ וַאֲנִי וְכָל־ ה
הָעָם אֲשֶׁר אִתִּי נִקְרַב אֶל־הָעִיר וְהָיָה כִּי־יֵצְאוּ לִקְרָאתֵנוּ
כַּאֲשֶׁר בָּרִאשֹׁנָה וְנַסְנוּ לִפְנֵיהֶם׃ וְיָצְאוּ אַחֲרֵינוּ עַד ו
הַתִּיקֵנוּ אוֹתָם מִן־הָעִיר כִּי יֹאמְרוּ נָסִים לְפָנֵינוּ כַּאֲשֶׁר
בָּרִאשֹׁנָה וְנַסְנוּ לִפְנֵיהֶם׃ וְאַתֶּם תָּקֻמוּ מֵהָאוֹרֵב וְהוֹרַשְׁתֶּם ז
אֶת־הָעִיר וּנְתָנָהּ יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם בְּיֶדְכֶם׃ וְהָיָה כְּתָפְשְׂכֶם ח
אֶת־הָעִיר תַּצִּיתוּ אֶת־הָעִיר בָּאֵשׁ כִּדְבַר יְהוָה תַּעֲשׂוּ רְאוּ
צִוִּיתִי אֶתְכֶם׃ וַיִּשְׁלָחֵם יְהוֹשֻׁעַ וַיֵּלְכוּ אֶל־הַמַּאְרָב וַיֵּשְׁבוּ ט
בֵּין בֵּית־אֵל וּבֵין הָעַי מִיָּם לָעָי וַיָּלֶן יְהוֹשֻׁעַ בַּלַּיְלָה הַהוּא
בְּתוֹךְ הָעָם׃ וַיַּשְׁכֵּם יְהוֹשֻׁעַ בַּבֹּקֶר וַיִּפְקֹד אֶת־הָעָם י
וַיַּעַל הוּא וְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי הָעָם הָעָי׃ וְכָל־הָעָם יא
הַמִּלְחָמָה אֲשֶׁר אִתּוֹ עָלוּ וַיִּגְּשׁוּ וַיָּבֹאוּ נֶגֶד הָעִיר וַיַּחֲנוּ
מִצְּפוֹן לָעַי וְהַגַּי בֵּינוֹ וּבֵין הָעָי׃ וַיִּקַּח כַּחֲמֵשֶׁת אֲלָפִים יב
אִישׁ וַיָּשֶׂם אוֹתָם אֹרֵב בֵּין בֵּית־אֵל וּבֵין הָעַי מִיָּם לָעִיר׃
וַיָּשִׂימוּ הָעָם אֶת־כָּל־הַמַּחֲנֶה אֲשֶׁר מִצְּפוֹן לָעִיר וְאֶת־ יג
עֲקֵבוֹ מִיָּם לָעִיר וַיֵּלֶךְ יְהוֹשֻׁעַ בַּלַּיְלָה הַהוּא בְּתוֹךְ הָעֵמֶק׃
וַיְהִי כִּרְאוֹת מֶלֶךְ־הָעַי וַיְמַהֲרוּ וַיַּשְׁכִּימוּ וַיֵּצְאוּ אַנְשֵׁי־הָעִיר יד
לִקְרַאת־יִשְׂרָאֵל לַמִּלְחָמָה הוּא וְכָל־עַמּוֹ לַמּוֹעֵד לִפְנֵי
הָעֲרָבָה וְהוּא לֹא יָדַע כִּי־אֹרֵב לוֹ מֵאַחֲרֵי הָעִיר׃ וַיִּנָּגְעוּ טו
יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל לִפְנֵיהֶם וַיָּנֻסוּ דֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר׃ וַיִּזָּעֲקוּ טז
כָּל־הָעָם אֲשֶׁר בָּעִיר לִרְדֹּף אַחֲרֵיהֶם וַיִּרְדְּפוּ אַחֲרֵי יְהוֹשֻׁעַ

יא בינו ק   יב׳ לעי ק   יג׳ כ״א וילן   טז׳ בעי קרי

און זיין שטאָט, און זיין לאַנד. 2 און זאָלסט טאָן צו עַי און צו איר מלך, אַזוי ווי דו האָסט געטאָן צו יריחו און צו איר מלך; נאָר איר זאַקרויב און אירע בהמות זאָלט איר רויבן פאַר אַייך. שטעל דיר לויערער אויף דער שטאָט פון הינטער איר.

3 איז אויפגעשטאַנען יהושע, און דאָס גאַנצע מלחמה־פאָלק, אַרויפצוגיין אויף עַי; און יהושע האָט אויסגעוויילט דרייסיק טויזנט מאַן העלדישע גיבורים, און האָט זיי אַוועקגעשיקט ביי נאַכט. 4 און ער האָט זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: זעט, איר זאָלט לויערן אויף דער שטאָט פון הינטער דער שטאָט; איר זאָלט זיך ניט דער־ווייטערן זייער פון דער שטאָט, און זייט אַלע אָנגעברייט. 5 און איך און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט מיר וועלן גענענען צו דער שטאָט; און עס וועט זיין, אַז זיי וועלן אַרויסגיין אַקעגן אונדז, אַזוי ווי צוערשט, וועלן מיר אַנט־לויפן פאַר זיי. 6 און זיי וועלן אַרויסגיין נאָך אונדז, ביז מיר וועלן זיי אַוועקציען פון דער שטאָט, וואָרום זיי וועלן זאָגן: זיי אַנטלויפן פאַר אונדז אַזוי ווי צוערשט; און מיר וועלן אַנטלויפן פאַר זיי. 7 און איר וועט אויפשטיין פון דער לויער, און וועט פאַרנעמען די שטאָט, און יהוה אַייער גאָט וועט זי געבן אין אַייער האַנט. 8 און עס וועט זיין, ווי איר פאַרכאַפּט די שטאָט, זאָלט איר אָנצינדן די שטאָט אין פייער; אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט זאָלט איר טאָן; זעט, איך האָב אַייך באַפוילן.

9 און יהושע האָט זיי געשיקט, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען צו דעם לויעראָרט, און זיינען געזעסן צווישן בית־אל און צווישן עַי, אין מערב פון עַי. און יהושע האָט גענעכטיקט יענע נאַכט צווישן דעם פאָלק.

10 און יהושע האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, און האָט איבערגעציילט דאָס פאָלק, און ער און די עלטסטע פון פאָלק זיינען אַרויפגעגאַנגען פאַרויס פאַרן פאָלק אויף עַי. 11 און דאָס גאַנצע מלחמה־פאָלק וואָס מיט אים איז אַרויפגעגאַנגען, און זיי האָבן גענענט, און זיינען געקומען אַקעגן דער שטאָט, און האָבן געלאַגערט אין צפון פון עַי; און דער טאָל איז געווען צווישן אים און צווישן עַי. 12 און ער האָט גענומען אַרום פינף טויזנט מאַן, און האָט זיי געשטעלט פאַר לויערער צווישן בית־אל און צווישן עַי, אין מערב פון עַי. 13 אַזוי האָבן זיי אויסגעשטעלט דאָס פאָלק, די גאַנצע מחנה וואָס אין צפון פון דער שטאָט, און זייער הינטער־חיל אין מערב פון דער שטאָט. און יהושע איז געגאַנגען אין יענער נאַכט אין מיטן טאָל.

14 און עס איז געווען, ווי דער מלך פון עַי האָט דערזען, אַזוי האָבן די מענטשן פון דער שטאָט זיך געאיילט, און זיי האָבן זיך געפעדערט, און זיינען אַרויסגעגאַנגען אַקעגן ישראל אויף מלחמה, ער און זיין גאַנץ פאָלק, אין דער אָפּגע־רעדטער צייט, פאַר דעם פּלוין, און ער האָט ניט געוווסט אַז לויערער זיינען אויף אים פון הינטער דער שטאָט. 15 און יהושע און גאַנץ ישראל האָבן זיך געמאַכט ווי געשלאָגן פאַר זיי, און זיינען אַנטלאָפן אויפן וועג פון מדבר.

16 און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס אין עַי איז צונויפגערופן געוואָרן, זיי נאָכצויאָגן; און זיי האָבן נאָכגעיאָגט יהושע,

יז וינתקו מן־העיר׃ ולא־נשאר איש בעי ובית אל אשר
לא־יצאו אחרי ישראל ויעזבו את־העיר פתוחה וירדפו
יח אחרי ישראל׃ ויאמר יהוה אל־יהושע נטה בכידון
אשר־בידך אל־העי כי בידך אתננה ויט יהושע בכידון
יט אשר־בידו אל־העיר׃ והאורב קם מהרה ממקומו
וירוצו כנטות ידו ויבאו העיר וילכדוה וימהרו ויציתו
כ את־העיר באש׃ ויפנו אנשי העי אחריהם ויראו והנה
עלה עשן העיר השמימה ולא־היה בהם ידים לנוס הנה
כא והנה והעם הנס המדבר נהפך אל־הרודף׃ ויהושע
וכל־ישראל ראו כי־לכד הארב את־העיר וכי עלה
כב עשן העיר וישבו ויכו את־אנשי העי׃ ואלה יצאו מן־
העיר לקראתם ויהיו לישראל בתוך אלה מזה ואלה
מזה ויכו אותם עד־בלתי השאיר־להם שריד ופליט׃
כג ואת־מלך העי תפשו חי ויקרבו אתו אל־יהושע׃ ויהי
כד ככלות ישראל להרג את־כל־ישבי העי בשדה במדבר
אשר רדפום בו ויפלו כלם לפי־חרב עד־תמם
כה וישבו כל־ישראל העי ויכו אתה לפי־חרב׃ ויהי כל־
הנפלים ביום ההוא מאיש ועד־אשה שנים עשר אלף
כו כל אנשי העי׃ ויהושע לא־השיב ידו אשר נטה בכידון
כז עד אשר החרים את כל־ישבי העי׃ רק הבהמה ושלל
העיר ההיא בזזו להם ישראל כדבר יהוה אשר צוה
כח את־יהושע׃ וישרף יהושע את־העי וישמה תל־עולם
כט שממה עד היום הזה׃ ואת־מלך העי תלה על־העץ עד־
עת הערב וכבוא השמש צוה יהושע וירידו את־נבלתו
מן־העץ וישליכו אותה אל־פתח שער העיר ויקימו עליו
ל גל־אבנים גדול עד היום הזה׃ אז יבנה יהושע מזבח
לא ליהוה אלהי ישראל בהר עיבל׃ כאשר צוה משה

כב׳ כ״א ל׳ כד׳ פסקא באמצע פסוק

און זיינען אַוועקגעצויגן געוואָרן פֿון דער שטאָט. [17] און עס איז ניט געבליבן אַ מענטש אין עַי און אין בֵּית־אֵל, וואָס איז ניט אַרויסגעגאַנגען נאָך ישׂראל; און זיי האָבן געלאָזט די שטאָט אָפֿן, און נאָכגעיאָגט ישׂראל.

[18] האָט גאָט געזאָגט צו יהושוען: שטרעק אויס דעם שפּיז וואָס אין דיין האַנט אַקעגן דער שטאָט עַי, וואָרום אין דיין האַנט וועל איך זי געבן. און יהושע האָט אויסגעשטרעקט דעם שפּיז וואָס אין זיין האַנט אַקעגן דער שטאָט. [19] און די לויערער זיינען אויפֿגעשטאַנען אויף גיך פֿון זייער אָרט, און זיי זיינען געלאָפֿן ווי ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און זיינען אַריין אין דער שטאָט, און האָבן זי באַצוווּנגען; און זיי האָבן געאיילט און האָבן אָנגעצונדן די שטאָט אין פֿייער. [20] און די מענטשן פֿון עַי האָבן זיך אומגעקערט הינטער זיך, און דערזען, ערשט דער רויך פֿון דער שטאָט איז אַרויף צום הימל, און זיי האָבן ניט געהאַט אין זיך כּוח צו לויפֿן אַהין אָדער אַהער. און דאָס פֿאָלק וואָס איז אַנטלאָפֿן צום מדבּר, האָט זיך אומגעקערט אויף די נאָכיאָגער. [21] און ווי יהושע און גאַנץ ישׂראל האָבן געזען אַז די לויערער האָבן באַצוווּנגען די שטאָט, און אַז דער רויך פֿון דער שטאָט איז אויפֿגעגאַנגען, אַזוי האָבן זיי זיך אומגעקערט, און האָבן געשלאָגן די מענטשן פֿון עַי. [22] און יענע זיינען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער שטאָט אַקעגן זיי, אַזוי אַז זיי זיינען געווען אין מיטן פֿון ישׂראל, די אויף דער זייט, און די אויף יענער זייט. און זיי האָבן זיי געשלאָגן ביז זיי ניט איבערצולאָזן אַ געבליבענעם אָדער אַנטרונענעם. [23] און דעם מלך פֿון עַי האָבן זיי געכאַפּט אַ לעבעדיקן, און אים געבראַכט צו יהושוען.

[24] און עס איז געווען, אַז די ישׂראל האָבן געענדיקט אויסהרגענען אַלע באַוווינער פֿון עַי, אויפֿן פֿעלד אין דעם מדבּר וואָס זיי האָבן זיי נאָכגעיאָגט אין אים, און זיי זיינען אַלע געפֿאַלן דורכן שאַרף פֿון שווערד ביז זיי זיינען פֿאַרלענדט געוואָרן, האָבן גאַנץ ישׂראל זיך אומגעקערט קיין עַי, און האָבן זי געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד. [25] און אַלע וואָס זיינען געפֿאַלן אין יענעם טאָג, פֿון אַ מאַן ביז אַ פֿרוי, זיינען געווען צוועלף טויזנט; אַלע מענטשן פֿון עַי. [26] און יהושע האָט ניט צוריקגעצויגן זיין האַנט וואָס ער האָט אויסגעשטרעקט מיטן שפּיז, ביז ער האָט פֿאַרויסט אַלע באַוווינער פֿון עַי. [27] נאָר די בהמות און דעם זאַקרויב פֿון יענער שטאָט האָבן די ישׂראל גערויבט פֿאַר זיך, אַזוי ווי דאָס וואָרט פֿון גאָט וואָס ער האָט באַפֿוילן יהושוען. [28] און יהושע האָט פֿאַרברענט עַי, און האָט זי געמאַכט פֿאַר אַן אייביקן חורבה־הויפֿן, אַ וויסטעניש ביז אויף הייַנטיקן טאָג. [29] און דעם מלך פֿון עַי האָט ער אויפֿגעהאַנגען אויף אַ בוים ביז אָוונטצייט; און ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָט יהושע באַפֿוילן, און מע האָט אַראָפּגענומען זיין טויטן לייב פֿון דעם בוים, און אים אַוועקגעוואָרפֿן פֿאַר דעם איינגאַנג פֿון דעם שטאָטטויער, און מע האָט אויפֿגעשטעלט איבער אים אַ גרויסן הויפֿן שטיינער [וואָס שטייט] ביז אויף הייַנטיקן טאָג.

[30] דעמאָלט האָט יהושע געבויט אַ מזבח צו יהוה דעם גאָט פֿון ישׂראל אויפֿן באַרג עֵיבָל, [31] אַזוי ווי משה דער

עֶבֶד־יְהוָה אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כַּכָּתוּב בְּסֵפֶר תּוֹרַת מֹשֶׁה
מִזְבַּח אֲבָנִים שְׁלֵמוֹת אֲשֶׁר לֹא־הֵנִיף עֲלֵיהֶן בַּרְזֶל וַיַּעֲלוּ
עָלָיו עֹלוֹת לַיהוָה וַיִּזְבְּחוּ שְׁלָמִים׃ וַיִּכְתָּב־שָׁם עַל־הָאֲבָנִים לב
אֵת מִשְׁנֵה תּוֹרַת מֹשֶׁה אֲשֶׁר כָּתַב לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְכָל־ לג
יִשְׂרָאֵל וּזְקֵנָיו וְשֹׁטְרִים ׀ וְשֹׁפְטָיו עֹמְדִים מִזֶּה ׀ וּמִזֶּה ׀
לָאָרוֹן נֶגֶד הַכֹּהֲנִים הַלְוִיִּם נֹשְׂאֵי ׀ אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה כַּגֵּר
כָּאֶזְרָח חֶצְיוֹ אֶל־מוּל הַר־גְּרִזִים וְהַחֶצְיוֹ אֶל־מוּל הַר־עֵיבָל
כַּאֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה לְבָרֵךְ אֶת־הָעָם יִשְׂרָאֵל
בָּרִאשֹׁנָה׃ וְאַחֲרֵי־כֵן קָרָא אֶת־כָּל־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַבְּרָכָה לד
וְהַקְּלָלָה כְּכָל־הַכָּתוּב בְּסֵפֶר הַתּוֹרָה׃ לֹא־הָיָה דָבָר מִכֹּל לה
אֲשֶׁר־צִוָּה מֹשֶׁה אֲשֶׁר לֹא־קָרָא יְהוֹשֻׁעַ נֶגֶד כָּל־קְהַל
יִשְׂרָאֵל וְהַנָּשִׁים וְהַטַּף וְהַגֵּר הַהֹלֵךְ בְּקִרְבָּם׃

ט

וַיְהִי כִשְׁמֹעַ כָּל־הַמְּלָכִים אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בָּהָר א
וּבַשְּׁפֵלָה וּבְכֹל חוֹף הַיָּם הַגָּדוֹל אֶל־מוּל הַלְּבָנוֹן הַחִתִּי
וְהָאֱמֹרִי הַכְּנַעֲנִי הַפְּרִזִּי הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי׃ וַיִּתְקַבְּצוּ יַחְדָּו ב
לְהִלָּחֵם עִם־יְהוֹשֻׁעַ וְעִם־יִשְׂרָאֵל פֶּה אֶחָד׃ וְיֹשְׁבֵי ג
גִבְעוֹן שָׁמְעוּ אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוֹשֻׁעַ לִירִיחוֹ וְלָעָי׃ וַיַּעֲשׂוּ ד
גַם־הֵמָּה בְּעָרְמָה וַיֵּלְכוּ וַיִּצְטַיָּרוּ וַיִּקְחוּ שַׂקִּים בָּלִים
לַחֲמוֹרֵיהֶם וְנֹאדוֹת יַיִן בָּלִים וּמְבֻקָּעִים וּמְצֹרָרִים׃ וּנְעָלוֹת ה
בָּלוֹת וּמְטֻלָּאוֹת בְּרַגְלֵיהֶם וּשְׂלָמוֹת בָּלוֹת עֲלֵיהֶם וְכֹל
לֶחֶם צֵידָם יָבֵשׁ הָיָה נִקֻּדִים׃ וַיֵּלְכוּ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אֶל־ ו
הַמַּחֲנֶה הַגִּלְגָּל וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו וְאֶל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ
רְחוֹקָה בָּאנוּ וְעַתָּה כִּרְתוּ־לָנוּ בְרִית׃ וַיֹּאמְרוּ אִישׁ־ ז
יִשְׂרָאֵל אֶל־הַחִוִּי אוּלַי בְּקִרְבִּי אַתָּה יוֹשֵׁב וְאֵיךְ אֶכְרָות־
לְךָ בְרִית׃ וַיֹּאמְרוּ אֶל־יְהוֹשֻׁעַ עֲבָדֶיךָ אֲנָחְנוּ וַיֹּאמֶר ח
אֲלֵהֶם יְהוֹשֻׁעַ מִי אַתֶּם וּמֵאַיִן תָּבֹאוּ׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו ט

ט, ז׳ ויאמר קרי   יתיר ו

קנעכט פון גאָט האָט באַפוילן די קינדער פון ישראל, ווי עס שטייט געשריבן אין בוך פון תורת־משה; אַ מזבח פון גאַנצע שטיינער, וואָס מע האָט אויף זיי ניט אויפגעהויבן אַן אײַזן. און זיי האָבן אויפגעבראַכט אויף אים בראַנדאָפּפער צו גאָט, און געשלאַכט פרידאָפּפער. [32] און ער האָט דאָרטן אויפגעשריבן אויף די שטיינער אַן איבערחזרונג פון תורת־משה, וואָס ער האָט געשריבן אין אָנגעזיכט פון די קינדער פון ישראל. [33] און גאַנץ ישראל, און זייערע עלטסטע און אויפזעער, און זייערע ריכטער, זיינען געשטאַנען פון דער זייט און פון יענער זייט פון אָרון, פאַר די כהנים פון שבט לוי וואָס האָבן געטראָגן דעם אָרון פון גאָטס בונד—אַזוי דער פרעמדער ווי דער אײַנגעבאָרענער, העלפט פון זיי אַקעגן באַרג גרזים, און העלפט פון זיי אַקעגן באַרג עיבל, אַזוי ווי משה דער קנעכט פון גאָט האָט פון פריער באַפוילן, צו בענטשן דאָס פאָלק ישראל. [34] און דערנאָך האָט ער געלייענט אַלע ווערטער פון דער תורה, די ברכה און די קללה, אַזוי ווי אַלץ וואָס שטייט געשריבן אין בוך פון דער תורה. [35] ניט געווען אַ וואָרט פון אַלץ וואָס משה האָט באַפוילן, וואָס יהושע האָט ניט געלייענט פאַר דער גאַנצער אײַנזאַמלונג פון ישראל, און די ווייבער, און די קליינע קינדער, און דעם פרעמדן וואָס איז מיטגעגאַנגען צווישן זיי.

ט [1] און עס איז געווען, אַז אַלע מלכים וואָס אויף דער זייט ירדן, אין דעם געבערג, און אין דער נידערונג, און אויף דעם גאַנצן ברעג פון ים־הגדול, אַקעגן לבנון, דער חתי, און דער אמורי, דער כנעני, דער פרזי, דער חוי, און דער יבוסי, האָבן דערהערט, [2] אַזוי האָבן זיי זיך אײַנגעזאַמלט אין איינעם, מלחמה צו האַלטן מיט יהושען און מיט ישראל, מיט איין מויל.

[3] און די באַוווינער פון גבעון האָבן געהערט וואָס יהושע האָט געטאָן צו יריחו און צו עי; [4] און זיי אויך האָבן געטאָן מיט ליסטיקייט, און זיינען געגאַנגען און האָבן זיך פאַרשטעלט; און זיי האָבן גענומען אָפּגעניצטע זעק פאַר זייערע אייזלען, און אָפּגעניצטע און צעשפּאָלטענע און צונויפגעבונדענע ווײַנלאָגלען, [5] און אָפּגעטראָגענע און פאַרלאַטעטע שיך אויף זייערע פיס, און אָפּגעטראָגענע קליידער אויף זיך; און דאָס גאַנצע ברויט פון זייער צערונג איז געווען פאַרטריקנט אויף ברעקלעך. [6] און זיי זיינען געגאַנגען צו יהושוען אין לאַגער קיין גלגל, און האָבן געזאָגט צו אים און צו די מענער פון ישראל: פון אַ ווייטן לאַנד זיינען מיר געקומען, און אַצונד שליסט אונדז אַ בונד.

[7] האָבן די מענער פון ישראל געזאָגט צו דעם חוי: אפשר זיצסטו צווישן אונדז, און ווי קען איך דיר שליסן אַ בונד? [8] האָבן זיי געזאָגט צו יהושוען: דיינע קנעכט זיינען מיר. האָט יהושע צו זיי געזאָגט: ווער זייט איר? און פון וואַנען קומט איר?

9 האָבן זיי צו אים געזאָגט: פון זייער אַ ווייטן לאַנד זײַנען געקומען דײַנע קנעכט, צוליב דעם נאָמען פון יהוה דײַן גאָט; וואָרום מיר האָבן געהערט זײַן הערונג, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן אין מִצרַיִם, 10 און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן צו די צוויי מלכים פון דעם אֶמוֹרי וואָס אויף יענער זײַט יַרדן, צו סיחון דעם מלך פון חֶשבון, און צו עוֹג דעם מלך פון בָשָן וואָס אין עַשתָרוֹת. 11 האָבן צו אונדז געזאָגט אונדזערע עלטסטע, און אַלע באַוווינער פון אונדזער לאַנד, אַזוי צו זאָגן: נעמט מיט זיך צערונג אויפן וועג, און גייט זיי אַנטקעגן, און איר זאָלט זאָגן צו זיי: אײַערע קנעכט זײַנען מיר; און אַצונד שליסט אונדז אַ בונד. 12 דאָס־דאָזיקע ברויט אונדזערס—וואַרעמערהייט האָבן מיר זיך פאַרשפּייזט דערמיט פון אונדזערע הייזער, אין דעם טאָג וואָס מיר זײַנען אַרויס צו גיין צו אײַך, און אַצונד אָט איז עס פאַרטריקנט, און געוואָרן ברעקלעך. 13 און די־דאָזיקע ווײַנלאָגלען, וואָס מיר האָבן אָנגעפילט, זײַנען געווען ניי, און אָט זײַנען זיי צעשפּאָלטן געוואָרן, און די־דאָזיקע קליידער און שיך אונדזערע זײַנען אָפּגעטראָגן געוואָרן פון זייער פיל וועג.

14 און די מענער האָבן גענומען פון זייער צערונג, און גאָטס מויל האָבן זיי ניט געפרעגט. 15 און יהושע האָט געמאַכט שלום מיט זיי, און זיי געשלאָסן אַ בונד, זיי צו לאָזן לעבן. און די פירשטן פון דער עדה האָבן זיי געשוואָרן.

16 און עס איז געווען צום סוף פון דרײַ טעג נאָכדעם ווי זיי האָבן זיי געשלאָסן אַ בונד, האָבן זיי געהערט אַז זיי זײַנען נאָנט צו זיי, און אַז זיי זיצן צווישן זיי. 17 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געצויגן, און זײַנען געקומען אין זייערע שטעט אויפן דריטן טאָג. און זייערע שטעט זײַנען געווען גִבעון, און כּפִירָה, און בְאֵרוֹת, און קִריַת־יְעָרים. 18 אָבער די קינדער פון ישׂראל האָבן זיי ניט געשלאָגן, ווײַל די פירשטן פון דער עדה האָבן זיי געשוואָרן בײַ יהוה דעם גאָט פון ישׂראל. און די גאַנצע עדה האָט געמורמלט אויף די פירשטן.

19 האָבן אַלע פירשטן געזאָגט צו דער גאַנצער עדה: מיר האָבן זיי געשוואָרן בײַ יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, און מיר טאָרן זיי אַצונד ניט אָנרירן. 20 דאָס מוזן מיר זיי טאָן, און זיי לאָזן לעבן, כּדי אויף אונדז זאָל ניט זײַן אַ צאָרן פון וועגן דער שבועה וואָס מיר האָבן זיי געשוואָרן. 21 און די פירשטן האָבן אָנגעזאָגט וועגן זיי: זאָלן זיי בלײַבן לעבן. און זיי זײַנען געוואָרן האָלצהעקער און וואַסערשעפּער פאַר דער גאַנצער עדה, אַזוי ווי די פירשטן האָבן געהייסן וועגן זיי.

22 און יהושע האָט זיי גערופן, און האָט צו זיי גערעדט, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס האָט איר אונדז גענאַרט, אַזוי צו זאָגן: מיר זײַנען זייער ווײַט פון אײַך, ווען איר זיצט צווישן אונדז? 23 און אַצונד זאָלט איר זײַן פאַרשאָלטן, און עס זאָל ניט אויסגיין פון אײַך אַ קנעכט און האָלצהעקער און וואַסערשעפּער פאַר דעם הויז פון מײַן גאָט.

מֵאֶרֶץ רְחוֹקָה מְאֹד בָּאוּ עֲבָדֶיךָ לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהֶיךָ כִּי־
י שָׁמַעְנוּ שָׁמְעוֹ וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה בְּמִצְרָיִם׃ וְאֵת ׀
כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה לִשְׁנֵי מַלְכֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן
לְסִיחוֹן מֶלֶךְ חֶשְׁבּוֹן וּלְעוֹג מֶלֶךְ־הַבָּשָׁן אֲשֶׁר בְּעַשְׁתָּרוֹת׃
יא וַיֹּאמְרוּ אֵלֵינוּ זְקֵינֵינוּ וְכָל־יֹשְׁבֵי אַרְצֵנוּ לֵאמֹר קְחוּ
בְיֶדְכֶם צֵידָה לַדֶּרֶךְ וּלְכוּ לִקְרָאתָם וַאֲמַרְתֶּם אֲלֵיהֶם
יב עַבְדֵיכֶם אֲנַחְנוּ וְעַתָּה כִּרְתוּ־לָנוּ בְרִית׃ זֶה ׀ לַחְמֵנוּ חָם
הִצְטַיַּדְנוּ אֹתוֹ מִבָּתֵּינוּ בְּיוֹם צֵאתֵנוּ לָלֶכֶת אֲלֵיכֶם וְעַתָּה
יג הִנֵּה יָבֵשׁ וְהָיָה נִקֻּדִים׃ וְאֵלֶּה נֹאדוֹת הַיַּיִן אֲשֶׁר מִלֵּאנוּ
חֲדָשִׁים וְהִנֵּה הִתְבַּקָּעוּ וְאֵלֶּה שַׂלְמוֹתֵינוּ וּנְעָלֵינוּ בָּלוּ
יד מֵרֹב הַדֶּרֶךְ מְאֹד׃ וַיִּקְחוּ הָאֲנָשִׁים מִצֵּידָם וְאֶת־פִּי
טו יְהוָה לֹא שָׁאָלוּ׃ וַיַּעַשׂ לָהֶם יְהוֹשֻׁעַ שָׁלוֹם וַיִּכְרֹת לָהֶם
טז בְּרִית לְחַיּוֹתָם וַיִּשָּׁבְעוּ לָהֶם נְשִׂיאֵי הָעֵדָה׃ וַיְהִי מִקְצֵה
שְׁלֹשֶׁת יָמִים אַחֲרֵי אֲשֶׁר־כָּרְתוּ לָהֶם בְּרִית וַיִּשְׁמְעוּ כִּי־
יז קְרֹבִים הֵם אֵלָיו וּבְקִרְבּוֹ הֵם יֹשְׁבִים׃ וַיִּסְעוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל וַיָּבֹאוּ אֶל־עָרֵיהֶם בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וְעָרֵיהֶם גִּבְעוֹן
יח וְהַכְּפִירָה וּבְאֵרוֹת וְקִרְיַת יְעָרִים׃ וְלֹא הִכּוּם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
כִּי־נִשְׁבְּעוּ לָהֶם נְשִׂיאֵי הָעֵדָה בַּיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
יט וַיִּלֹּנוּ כָל־הָעֵדָה עַל־הַנְּשִׂיאִים׃ וַיֹּאמְרוּ כָל־הַנְּשִׂיאִים
אֶל־כָּל־הָעֵדָה אֲנַחְנוּ נִשְׁבַּעְנוּ לָהֶם בַּיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
כ וְעַתָּה לֹא נוּכַל לִנְגֹּעַ בָּהֶם׃ זֹאת נַעֲשֶׂה לָהֶם וְהַחֲיֵה
אוֹתָם וְלֹא־יִהְיֶה עָלֵינוּ קֶצֶף עַל־הַשְּׁבוּעָה אֲשֶׁר־נִשְׁבַּעְנוּ
כא לָהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ אֲלֵיהֶם הַנְּשִׂיאִים יִחְיוּ וַיִּהְיוּ חֹטְבֵי עֵצִים
וְשֹׁאֲבֵי־מַיִם לְכָל־הָעֵדָה כַּאֲשֶׁר דִּבְּרוּ לָהֶם הַנְּשִׂיאִים׃
כב וַיִּקְרָא לָהֶם יְהוֹשֻׁעַ וַיְדַבֵּר אֲלֵיהֶם לֵאמֹר לָמָּה רִמִּיתֶם
אֹתָנוּ לֵאמֹר רְחוֹקִים אֲנַחְנוּ מִכֶּם מְאֹד וְאַתֶּם בְּקִרְבֵּנוּ
כג יֹשְׁבִים׃ וְעַתָּה אֲרוּרִים אַתֶּם וְלֹא־יִכָּרֵת מִכֶּם עֶבֶד
כד וְחֹטְבֵי עֵצִים וְשֹׁאֲבֵי־מַיִם לְבֵית אֱלֹהָי׃ וַיַּעֲנוּ אֶת־

יְהוֹשֻׁעַ וַיֹּאמְרוּ כִּי הֻגֵּד הֻגַּד לַעֲבָדֶיךָ אֵת אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ אֶת־מֹשֶׁה עַבְדּוֹ לָתֵת לָכֶם אֶת־כָּל־הָאָרֶץ
וּלְהַשְׁמִיד אֶת־כָּל־יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ מִפְּנֵיכֶם וַנִּירָא מְאֹד
לְנַפְשֹׁתֵינוּ מִפְּנֵיכֶם וַנַּעֲשֵׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וְעַתָּה הִנְנוּ כה
בְיָדֶךָ כַּטּוֹב וְכַיָּשָׁר בְּעֵינֶיךָ לַעֲשׂוֹת לָנוּ עֲשֵׂה׃ וַיַּעַשׂ לָהֶם כו
כֵּן וַיַּצֵּל אוֹתָם מִיַּד בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל וְלֹא הֲרָגוּם׃ וַיִּתְּנֵם יְהוֹשֻׁעַ כז
בַּיּוֹם הַהוּא חֹטְבֵי עֵצִים וְשֹׁאֲבֵי־מַיִם לָעֵדָה וּלְמִזְבַּח יְהוָה
עַד־הַיּוֹם הַזֶּה אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יִבְחָר׃

י

וַיְהִי כִשְׁמֹעַ אֲדֹנִי־צֶדֶק מֶלֶךְ יְרוּשָׁלִַם כִּי־לָכַד יְהוֹשֻׁעַ א
אֶת־הָעַי וַיַּחֲרִימָהּ כַּאֲשֶׁר עָשָׂה לִירִיחוֹ וּלְמַלְכָּהּ כֵּן
עָשָׂה לָעַי וּלְמַלְכָּהּ וְכִי הִשְׁלִימוּ יֹשְׁבֵי גִבְעוֹן אֶת־יִשְׂרָאֵל
וַיִּהְיוּ בְּקִרְבָּם׃ וַיִּירְאוּ מְאֹד כִּי עִיר גְּדוֹלָה גִּבְעוֹן כְּאַחַת ב
עָרֵי הַמַּמְלָכָה וְכִי הִיא גְדוֹלָה מִן־הָעַי וְכָל־אֲנָשֶׁיהָ
גִּבֹּרִים׃ וַיִּשְׁלַח אֲדֹנִי־צֶדֶק מֶלֶךְ יְרוּשָׁלִַם אֶל־הוֹהָם מֶלֶךְ־ ג
חֶבְרוֹן וְאֶל־פִּרְאָם מֶלֶךְ־יַרְמוּת וְאֶל־יָפִיעַ מֶלֶךְ־לָכִישׁ
וְאֶל־דְּבִיר מֶלֶךְ־עֶגְלוֹן לֵאמֹר׃ עֲלוּ־אֵלַי וְעִזְרֻנִי וְנַכֶּה ד
אֶת־גִּבְעוֹן כִּי־הִשְׁלִימָה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וְאֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
וַיֵּאָסְפוּ וַיַּעֲלוּ חֲמֵשֶׁת ׀ מַלְכֵי הָאֱמֹרִי מֶלֶךְ יְרוּשָׁלִַם מֶלֶךְ־ ה
חֶבְרוֹן מֶלֶךְ־יַרְמוּת מֶלֶךְ־לָכִישׁ מֶלֶךְ־עֶגְלוֹן הֵם וְכָל־
מַחֲנֵיהֶם וַיַּחֲנוּ עַל־גִּבְעוֹן וַיִּלָּחֲמוּ עָלֶיהָ׃ וַיִּשְׁלְחוּ אַנְשֵׁי ו
גִבְעוֹן אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הַמַּחֲנֶה הַגִּלְגָּלָה לֵאמֹר אַל־תֶּרֶף
יָדֶיךָ מֵעֲבָדֶיךָ עֲלֵה אֵלֵינוּ מְהֵרָה וְהוֹשִׁיעָה לָּנוּ וְעָזְרֵנוּ
כִּי נִקְבְּצוּ אֵלֵינוּ כָּל־מַלְכֵי הָאֱמֹרִי יֹשְׁבֵי הָהָר׃ וַיַּעַל ז
יְהוֹשֻׁעַ מִן־הַגִּלְגָּל הוּא וְכָל־עַם הַמִּלְחָמָה עִמּוֹ וְכֹל
גִּבּוֹרֵי הֶחָיִל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אַל־תִּירָא מֵהֶם ח
כִּי בְיָדְךָ נְתַתִּים לֹא־יַעֲמֹד אִישׁ מֵהֶם בְּפָנֶיךָ׃ וַיָּבֹא ט

[24] האָבן זיי געענטפערט יהושוען, און האָבן געזאָגט: ווייל דערציילט איז דערציילט געוואָרן דיינע קנעכט, דאָס וואָס יהוה דיין גאָט האָט באַפוילן זיין קנעכט משהן, אייך צו געבן דאָס גאַנצע לאַנד, און צו פאַרטיליקן אַלע באַוווינער פון לאַנד פון פאַר אייך, און מיר האָבן זייער מורא געקריגן פאַר אונדזערע נפשות פון אייך; דרום האָבן מיר געטאָן דידאָזיקע זאַך. [25] און אַצונד אָט זיינען מיר אין דיין האַנט; ווי עס איז גוט און רעכטפאַרטיק אין דיינע אויגן צו טאָן מיט אונדז, טו.

[26] און ער האָט מיט זיי אַזוי געטאָן, און האָט זיי מציל געווען פון דער האַנט פון די קינדער פון ישׂראל, און זיי האָבן זיי ניט געהרגעט. [27] און יהושוע האָט זיי געמאַכט אין יענעם טאָג פאַר האָלצהעקער און פאַר וואַסער־שעפּער, פאַר דער עדה, און פאַר דעם מזבח פון גאָט, ביז אויף היינטיקן טאָג, אין דעם אָרט וואָס ער וועט אויס־דערוויילן.

י

[1] און עס איז געווען, ווי אַדוני־צֶדֶק דער מלך פון ירושָלַיִם האָט געהערט אַז יהושוע האָט באַצוווּנגען עַי, און האָט זי פאַרוויסט; אַז אַזוי ווי ער האָט געטאָן צו יריחו און צו איר מלך, אַזוי האָט ער געטאָן צו עַי און צו איר מלך; און אַז די באַוווינער פון גִבעון האָבן געמאַכט שלום מיט ישׂראל, און זיינען געבליבן צווישן זיי; [2] האָבן זיי זייער מורא געקריגן, ווייל גִבעון איז געווען אַ גרויסע שטאָט, אַזוי ווי איינע פון די מלוכה־שטעט, און ווייל זי איז געווען גרעסער פון עַי, און אַלע אירע מענטשן זיינען געווען גיבורים. [3] און אַדוני־צֶדֶק דער מלך פון ירושָלַיִם האָט געשיקט צו הוֹהָם דעם מלך פון חֶברון, און צו פִּרְאָם דעם מלך פון יַרמות, און צו יָפִיעַ דעם מלך פון לָכיש, און צו דביר דעם מלך פון עֶגלון, אַזוי צו זאָגן: [4] קומט אַרויף צו מיר, און העלפט מיר, און לאָמיר שלאָגן גִבעון, ווייל זי האָט געמאַכט שלום מיט יהושוען און מיט די קינדער פון ישׂראל.

[5] האָבן זיך איינגעזאַמלט און זיינען אַרויפגעגאַנגען די פינף מלכים פון אֱמוֹרי, דער מלך פון ירושָלַיִם, דער מלך פון חֶברון, דער מלך פון יַרמות, דער מלך פון לָכיש, דער מלך פון עֶגלון, זיי מיט אַלע זייערע מחנות, און זיי האָבן גע־לעגערט אויף גִבעון, און מלחמה געהאַלטן אויף איר.

[6] האָבן די מענטשן פון גִבעון געשיקט צו יהושוען אין לאַגער קיין גִלגָל, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט אָפּלאָזן דיינע הענט פון דיינע קנעכט; קום אַרויף צו אונדז אויף גיך, און העלף אונדז, און שטיי אונדז ביי; וואָרום אַלע מלכים פון אֱמוֹרי, די באַוווינער פון דעם געבערג, האָבן זיך איינגעזאַמלט אויף אונדז.

[7] איז יהושוע אַרויפגעגאַנגען פון גִלגָל, ער און דאָס גאַנצע מלחמה־פאָלק מיט אים, און אַלע העלדישע גיבורים. [8] און גאָט האָט געזאָגט צו יהושוען: זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר זיי, וואָרום איך האָב זיי געגעבן אין דיין האַנט; קיינער פון זיי וועט ניט באַשטיין פאַר דיר. [9] און יהושוע איז געקומען אויף זיי פּלוּצים; די גאַנצע נאַכט איז

ער אַרויפגעגאַנגען פון גלגל. 10 און גאָט האָט זיי צעטומלט פאַר ישראל; און ער האָט זיי געשלאָגן אַ גרויסן שלאַק אין גבעון, און האָט זיי נאָכגעיאָגט אויף דעם וועג פון דעם אַרויפגאַנג פון בית־חורון, און זיי געשלאָגן ביז עזקה, און ביז מקדה. 11 און עס איז געווען, אַז זיי זיינען געלאָפן פאַר ישראל, ווען זיי זיינען געווען אויף דעם אַראָפּגאַנג פון בית־חורון, האָט גאָט אַראָפּגעוואָרפן אויף זיי פון הימל גרויסע שטיינער, ביז עזקה, און זיי זיינען געשטאָרבן. מער זיינען געווען די וואָס זיינען געשטאָרבן פון די האָגלשטיינער, ווי די וואָס די קינדער פון ישראל האָבן געהרגעט מיטן שווערד.

12 דענסמאָל האָט יהושע גערעדט צו גאָט—אין דעם טאָג וואָס גאָט האָט איבערגעגעבן דעם אמורי צו די קינדער פון ישראל—און ער האָט געזאָגט פאַר די אויגן פון ישראל:

זון, שטיי שטיל אין גבעון,
און לבנה, אין טאָל פון אילון!
13 און די זון איז שטיל געשטאַנען,
און די לבנה האָט זיך אָפּגעשטעלט,
ביז דאָס פאָלק האָט זיך נוקם געווען אָן זיינע פיינט.

דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון ישר. און די זון האָט זיך אָפּגעשטעלט אין האַלבן הימל, און האָט זיך ניט געאיילט אונטערצוגיין אַרום אַ גאַנצן טאָג. 14 און אַזאַ טאָג ווי יענער איז ניט געווען, פאַר אים אָדער נאָך אים, אַז גאָט זאָל געהאָרכן דעם קול פון אַ מענטשן; וואָרום גאָט האָט מלחמה געהאַלטן פאַר ישראל.

אֲלֵיהֶם יְהוֹשֻׁעַ פִּתְאֹם כָּל־הַלַּיְלָה עָלָה מִן־הַגִּלְגָּל׃
י וַיְהֻמֵּם יְהוָה לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּכֵּם מַכָּה־גְדוֹלָה בְּגִבְעוֹן
וַיִּרְדְּפֵם דֶּרֶךְ מַעֲלֵה בֵית־חוֹרֹן וַיַּכֵּם עַד־עֲזֵקָה וְעַד־מַקֵּדָה׃
יא וַיְהִי בְּנֻסָם ׀ מִפְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵם בְּמוֹרַד בֵּית־חוֹרֹן וַיהוָה
הִשְׁלִיךְ עֲלֵיהֶם אֲבָנִים גְּדֹלוֹת מִן־הַשָּׁמַיִם עַד־עֲזֵקָה וַיָּמֻתוּ
רַבִּים אֲשֶׁר־מֵתוּ בְּאַבְנֵי הַבָּרָד מֵאֲשֶׁר הָרְגוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
יב בֶּחָרֶב׃ אָז יְדַבֵּר יְהוֹשֻׁעַ לַיהוָה בְּיוֹם תֵּת יְהוָה אֶת־
הָאֱמֹרִי לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר ׀ לְעֵינֵי יִשְׂרָאֵל שֶׁמֶשׁ
יג בְּגִבְעוֹן דּוֹם וְיָרֵחַ בְּעֵמֶק אַיָּלוֹן׃ וַיִּדֹּם הַשֶּׁמֶשׁ וְיָרֵחַ עָמָד
עַד־יִקֹּם גּוֹי אֹיְבָיו הֲלֹא־הִיא כְתוּבָה עַל־סֵפֶר הַיָּשָׁר וַיַּעֲמֹד
יד הַשֶּׁמֶשׁ בַּחֲצִי הַשָּׁמַיִם וְלֹא־אָץ לָבוֹא כְּיוֹם תָּמִים׃ וְלֹא
הָיָה כַּיּוֹם הַהוּא לְפָנָיו וְאַחֲרָיו לִשְׁמֹעַ יְהוָה בְּקוֹל אִישׁ
טו כִּי יְהוָה נִלְחָם לְיִשְׂרָאֵל׃ וַיָּשָׁב יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל
טז עִמּוֹ אֶל־הַמַּחֲנֶה הַגִּלְגָּלָה׃ וַיָּנֻסוּ חֲמֵשֶׁת הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה
יז וַיֵּחָבְאוּ בַמְּעָרָה בְּמַקֵּדָה׃ וַיֻּגַּד לִיהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר נִמְצְאוּ
יח חֲמֵשֶׁת הַמְּלָכִים נֶחְבְּאִים בַּמְּעָרָה בְּמַקֵּדָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ
גֹּלּוּ אֲבָנִים גְּדֹלוֹת אֶל־פִּי הַמְּעָרָה וְהַפְקִידוּ עָלֶיהָ אֲנָשִׁים
יט לְשָׁמְרָם׃ וְאַתֶּם אַל־תַּעֲמֹדוּ רִדְפוּ אַחֲרֵי אֹיְבֵיכֶם וְזִנַּבְתֶּם
אוֹתָם אַל־תִּתְּנוּם לָבוֹא אֶל־עָרֵיהֶם כִּי נְתָנָם יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
כ בְּיֶדְכֶם׃ וַיְהִי כְּכַלּוֹת יְהוֹשֻׁעַ וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל לְהַכּוֹתָם מַכָּה
גְדוֹלָה־מְאֹד עַד־תֻּמָּם וְהַשְּׂרִידִים שָׂרְדוּ מֵהֶם וַיָּבֹאוּ אֶל־
כא עָרֵי הַמִּבְצָר׃ וַיָּשֻׁבוּ כָל־הָעָם אֶל־הַמַּחֲנֶה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ
מַקֵּדָה בְּשָׁלוֹם לֹא־חָרַץ לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לְאִישׁ אֶת־לְשֹׁנוֹ׃
כב וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ פִּתְחוּ אֶת־פִּי הַמְּעָרָה וְהוֹצִיאוּ אֵלַי אֶת־
כג חֲמֵשֶׁת הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה מִן־הַמְּעָרָה׃ וַיַּעֲשׂוּ כֵן וַיֹּצִיאוּ
אֵלָיו אֶת־חֲמֵשֶׁת הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה מִן־הַמְּעָרָה אֵת ׀ מֶלֶךְ
יְרוּשָׁלַ͏ִם אֶת־מֶלֶךְ חֶבְרוֹן אֶת־מֶלֶךְ יַרְמוּת אֶת־מֶלֶךְ לָכִישׁ

ג׳ קמץ ברביע

15 און יהושע און גאַנץ ישראל מיט אים האָבן זיך אומגעקערט אין לאַגער קיין גלגל. 16 און די דאָזיקע פינף מלכים זיינען אַנטלאָפן, און האָבן זיך באַהאַלטן אין דער הייל אין מקדה. 17 איז אָנגעזאָגט געוואָרן יהושען, אַזוי צו זאָגן: די פינף מלכים זיינען געפונען געוואָרן באַהאַלטן אין דער הייל אין מקדה. 18 האָט יהושע געזאָגט: קייקלט צו גרויסע שטיינער צום מויל פון דער הייל, און שטעלט לעבן איר מענטשן, זיי צו היטן. 19 און איר זאָלט אייך ניט אָפּשטעלן; יאָגט נאָך אייערע פיינט, און איר זאָלט שלאָגן זייערע הינטערשטע; איר זאָלט זיי ניט לאָזן אַריינקומען אין זייערע שטעט; וואָרום יהוה אייער גאָט האָט זיי געגעבן אין אייער האַנט.

20 און עס איז געווען, אַז יהושע און די קינדער פון ישראל האָבן זיי געענדיקט שלאָגן זייער אַ גרויסן שלאַק, ביז זיי זיינען פאַרלענדט געוואָרן, און די געבליבענע וואָס זיינען געבליבן פון זיי, זיינען אַריין אין די פעסטונגשטעט, 21 אַזוי האָט דאָס גאַנצע פאָלק זיך אומגעקערט אין לאַגער צו יהושען קיין מקדה בשלום; קיינער האָט זיין צונג ניט געשאַרפט אַקעגן עמיצן פון די קינדער פון ישראל.

22 האָט יהושע געזאָגט: עפנט אויף דאָס מויל פון דער הייל, און ברענגט אַרויס צו מיר די דאָזיקע פינף מלכים פון דער הייל. 23 האָבן זיי אַזוי געטאָן; און זיי האָבן אַרויסגעבראַכט צו אים די דאָזיקע פינף מלכים פון דער הייל, דעם מלך פון ירושלים, דעם מלך פון חברון, דעם מלך פון ירמות, דעם מלך פון לכיש, דעם מלך פון עגלון.

אֶת־מֶלֶךְ עֶגְלוֹן׃ וַיְהִי כְּהוֹצִיאָם אֶת־הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה כד
אֶל־יְהוֹשֻׁעַ וַיִּקְרָא יְהוֹשֻׁעַ אֶל־כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר
אֶל־קְצִינֵי אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה הֶהָלְכוּא אִתּוֹ קִרְבוּ שִׂימוּ
אֶת־רַגְלֵיכֶם עַל־צַוְּארֵי הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה וַיִּקְרְבוּ וַיָּשִׂימוּ
אֶת־רַגְלֵיהֶם עַל־צַוְּארֵיהֶם׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם יְהוֹשֻׁעַ אַל־ כה
תִּירְאוּ וְאַל־תֵּחָתּוּ חִזְקוּ וְאִמְצוּ כִּי כָכָה יַעֲשֶׂה יְהוָה
לְכָל־אֹיְבֵיכֶם אֲשֶׁר אַתֶּם נִלְחָמִים אוֹתָם׃ וַיַּכֵּם יְהוֹשֻׁעַ כו
אַחֲרֵי־כֵן וַיְמִיתֵם וַיִּתְלֵם עַל חֲמִשָּׁה עֵצִים וַיִּהְיוּ תְּלוּיִם
עַל־הָעֵצִים עַד־הָעָרֶב׃ וַיְהִי לְעֵת ׀ בּוֹא הַשֶּׁמֶשׁ צִוָּה כז
יְהוֹשֻׁעַ וַיֹּרִידוּם מֵעַל הָעֵצִים וַיַּשְׁלִכֻם אֶל־הַמְּעָרָה אֲשֶׁר
נֶחְבְּאוּ־שָׁם וַיָּשִׂמוּ אֲבָנִים גְּדֹלוֹת עַל־פִּי הַמְּעָרָה עַד־
עֶצֶם הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְאֶת־מַקֵּדָה לָכַד יְהוֹשֻׁעַ בַּיּוֹם כח
הַהוּא וַיַּכֶּהָ לְפִי־חֶרֶב וְאֶת־מַלְכָּהּ הֶחֱרִם אוֹתָם וְאֶת־כָּל־
הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ לֹא הִשְׁאִיר שָׂרִיד וַיַּעַשׂ לְמֶלֶךְ מַקֵּדָה
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה לְמֶלֶךְ יְרִיחוֹ׃ וַיַּעֲבֹר יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל כט
עִמּוֹ מִמַּקֵּדָה לִבְנָה וַיִּלָּחֶם עִם־לִבְנָה׃ וַיִּתֵּן יְהוָה גַּם־ ל
אוֹתָהּ בְּיַד יִשְׂרָאֵל וְאֶת־מַלְכָּהּ וַיַּכֶּהָ לְפִי־חֶרֶב וְאֶת־כָּל־
הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ לֹא־הִשְׁאִיר בָּהּ שָׂרִיד וַיַּעַשׂ לְמַלְכָּהּ
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה לְמֶלֶךְ יְרִיחוֹ׃ וַיַּעֲבֹר יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־ לא
יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ מִלִּבְנָה לָכִישָׁה וַיִּחַן עָלֶיהָ וַיִּלָּחֶם בָּהּ׃ וַיִּתֵּן לב
יְהוָה אֶת־לָכִישׁ בְּיַד יִשְׂרָאֵל וַיִּלְכְּדָהּ בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי וַיַּכֶּהָ
לְפִי־חֶרֶב וְאֶת־כָּל־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה
לְלִבְנָה׃ אָז עָלָה הֹרָם מֶלֶךְ גֶּזֶר לַעְזֹר אֶת־לָכִישׁ לג
וַיַּכֵּהוּ יְהוֹשֻׁעַ וְאֶת־עַמּוֹ עַד־בִּלְתִּי הִשְׁאִיר־לוֹ שָׂרִיד׃
וַיַּעֲבֹר יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ מִלָּכִישׁ עֶגְלֹנָה וַיַּחֲנוּ עָלֶיהָ לד
וַיִּלָּחֲמוּ עָלֶיהָ׃ וַיִּלְכְּדוּהָ בַּיּוֹם הַהוּא וַיַּכּוּהָ לְפִי־חֶרֶב לה
וְאֵת כָּל־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ בַּיּוֹם הַהוּא הֶחֱרִים כְּכֹל אֲשֶׁר־

כד׳ יתיר א׳   כח׳ נ״א אותה   לג׳ כ״א על

24 און עס איז געווען, ווי זיי האָבן אַרויסגעבראַכט די־דאָזיקע מלכים צו יהושען, אַזוי האָט יהושע גערופן אַלע מענער פון ישראל, און ער האָט געזאָגט צו די פירער פון די מלחמה־לייט וואָס זיינען מיט אים געגאַנגען: גענענט, טוט אַרויף אײַערע פיס אויף די העלדזער פון די־דאָזיקע מלכים. האָבן זיי גענענט, און האָבן אַרויפֿגעטאָן זייערע פיס אויף זייערע העלדזער. 25 און יהושע האָט צו זיי געזאָגט: איר זאָלט ניט מורא האָבן און ניט אַנגסטן, זייט שטאַרק און פעסט, וואָרום אַזוי וועט גאָט טאָן צו אַלע אײַערע פיינט וואָס איר האַלט מלחמה מיט זיי. 26 און יהושע האָט זיי דערנאָך געשלאָגן, און האָט זיי געטייט, און זיי אויפגעהאַנגען אויף פינף ביימער; און זיי זיינען געהאַנגען אויף די ביימער ביזן אָוונט. 27 און עס איז געווען אין צייט פון זונאונטערגאַנג, האָט יהושע באַפוילן, און מע האָט זיי אַראָפגענומען פון די ביימער, און זיי אַרייַנגעוואָרפן אין דער הייל, וואָס זיי האָבן זיך דאָרטן באַהאַלטן. און מע האָט אַרויפגעטאָן גרויסע שטיינער אויפן מויל פון דער הייל, [וווּ זיי ליגן] אַזש ביז אויף הייַנטיקן טאָג.

28 און יהושע האָט באַצוווּנגען מַקֵדָה אין יענעם טאָג, און האָט געשלאָגן זי און איר מלך מיטן שאַרף פון שווערד; ער האָט פאַרוויסט זיי און אַלע נפשות וואָס אין איר; ער האָט ניט געלאָזט אַן איבערבלייב. און ער האָט געטאָן צום מלך פון מַקֵדָה, אַזוי ווי ער האָט געטאָן צום מלך פון יריחו.

29 און יהושע און גאַנץ ישראל מיט אים זיינען אַריבערגעגאַנגען פון מַקֵדָה קיין לִבְנָה, און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט לִבְנָה. 30 און גאָט האָט אויך זי און איר מלך געגעבן אין דער האַנט פון ישראל; און ער האָט זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, מיט אַלע נפשות וואָס אין איר; ער האָט ניט געלאָזט אין איר אַן איבערבלייב. און ער האָט געטאָן צו איר מלך אַזוי ווי ער האָט געטאָן צום מלך פון יריחו.

31 און יהושע און גאַנץ ישראל מיט אים זיינען אַריבערגעגאַנגען פון לִבְנָה קיין לָכִיש, און ער האָט געלעגערט אויף איר און מלחמה געהאַלטן אַקעגן איר. 32 און גאָט האָט געגעבן לָכִיש אין דער האַנט פון ישראל; און ער האָט זי באַצוווּנגען אויפן צווייטן טאָג, און האָט זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, מיט אַלע נפשות וואָס אין איר; אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט געטאָן צו לִבְנָה.

33 דענסמאָל איז אַרויפגעקומען הוֹרָם דער מלך פון גֶזֶר צו העלפן לָכִיש, און יהושע האָט געשלאָגן אים און זיין פאָלק ביז ער האָט אים ניט געלאָזט אַן איבערבלייב.

34 און יהושע און גאַנץ ישראל מיט אים זיינען אַריבערגעגאַנגען פון לָכִיש קיין עֶגלוֹן, און זיי האָבן געלעגערט אויף איר, און מלחמה געהאַלטן אויף איר. 35 און זיי האָבן זי באַצוווּנגען אין יענעם טאָג, און האָבן זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד; און אַלע נפשות וואָס אין איר האָט ער פאַרוויסט אין יענעם טאָג; אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט געטאָן צו לָכִיש.

36 און יהושע און גאַנץ ישׂראל מיט אים זײַנען אַרויפֿ־
געגאַנגען פֿון עגלון קיין חברון, און זיי האָבן מלחמה
געהאַלטן אויף איר. 37 און זיי האָבן זי באַצוווּנגען, און
האָבן זי געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד, מיט איר מלך,
און אַלע אירע שטעט, און אַלע נפֿשות וואָס אין איר; ער
האָט ניט געלאָזט אַן איבערבלײַב; אַזוי ווי אַלץ וואָס ער
האָט געטאָן צו עגלון. און ער האָט פֿאַרוויסט זי און אַלע
נפֿשות וואָס אין איר.

38 און יהושע און גאַנץ ישׂראל מיט אים האָבן זיך
אומגעקערט קיין דביר, און ער האָט מלחמה געהאַלטן
אויף איר. 39 און ער האָט באַצוווּנגען זי און איר מלך, און
אַלע אירע שטעט; און זיי האָבן זיי געשלאָגן מיטן שאַרף
פֿון שווערד, און פֿאַרוויסט אַלע נפֿשות וואָס אין איר; ער
האָט ניט געלאָזט אַן איבערבלײַב. אַזוי ווי ער האָט געטאָן
צו חברון, אַזוי האָט ער געטאָן צו דביר און צו איר מלך;
אַזוי ווי ער האָט אויך געטאָן צו לבֿנה און צו איר מלך.

40 און יהושע האָט געשלאָגן דאָס גאַנצע לאַנד, דאָס
געבערג, און דעם דרום, און די נידערונג, און די אַראָפּ־
גאַנגען, און אַלע זייערע מלכים; ער האָט ניט געלאָזט אַן
איבערבלײַב, נײַערט וווּ נאָר אַן אָטעם האָט ער פֿאַר־
וויסט, אַזוי ווי יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל האָט באַפֿוילן.
41 און יהושע האָט זיי געשלאָגן פֿון קדש־ברנע און ביז עזה,
און דאָס גאַנצע לאַנד גושן, און ביז גבֿעון. 42 און אַלע
דיזאָזיקע מלכים און זייער לאַנד האָט יהושע באַצוווּנ־
גען אויף איין מאָל; וואָרום יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל האָט מלחמה געהאַלטן פֿאַר ישׂראל.
43 און יהושע און גאַנץ ישׂראל מיט אים האָבן זיך אומגעקערט אין לאַגער קיין גלגל.

לו עָשָׂה לְלָכִישׁ׃ וַיַּעַל יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ מֵעֶגְלוֹנָה
לז חֶבְרוֹנָה וַיִּלָּחֲמוּ עָלֶיהָ׃ וַיִּלְכְּדוּהָ וַיַּכּוּהָ־לְפִי־חֶרֶב וְאֶת־
מַלְכָּהּ וְאֶת־כָּל־עָרֶיהָ וְאֶת־כָּל־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ לֹא־
הִשְׁאִיר שָׂרִיד כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה לְעֶגְלוֹן וַיַּחֲרֵם אוֹתָהּ וְאֶת־
לח כָּל־הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ׃ וַיָּשָׁב יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ
לט דְּבִרָה וַיִּלָּחֶם עָלֶיהָ׃ וַיִּלְכְּדָהּ וְאֶת־מַלְכָּהּ וְאֶת־כָּל־עָרֶיהָ
וַיַּכּוּם לְפִי־חֶרֶב וַיַּחֲרִימוּ אֶת־כָּל־נֶפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ לֹא
הִשְׁאִיר שָׂרִיד כַּאֲשֶׁר עָשָׂה לְחֶבְרוֹן כֵּן־עָשָׂה לִדְבִרָה
מ וּלְמַלְכָּהּ וְכַאֲשֶׁר עָשָׂה לְלִבְנָה וּלְמַלְכָּהּ׃ וַיַּכֶּה יְהוֹשֻׁעַ
אֶת־כָּל־הָאָרֶץ הָהָר וְהַנֶּגֶב וְהַשְּׁפֵלָה וְהָאֲשֵׁדוֹת וְאֵת כָּל־
מַלְכֵיהֶם לֹא הִשְׁאִיר שָׂרִיד וְאֵת כָּל־הַנְּשָׁמָה הֶחֱרִים
מא כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּכֵּם יְהוֹשֻׁעַ מִקָּדֵשׁ
מב בַּרְנֵעַ וְעַד־עַזָּה וְאֵת כָּל־אֶרֶץ גֹּשֶׁן וְעַד־גִּבְעוֹן׃ וְאֵת כָּל־
הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה וְאֶת־אַרְצָם לָכַד יְהוֹשֻׁעַ פַּעַם אֶחָת כִּי
מג יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל נִלְחָם לְיִשְׂרָאֵל׃ וַיָּשָׁב יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־
יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ אֶל־הַמַּחֲנֶה הַגִּלְגָּלָה׃

יא

א וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ יָבִין מֶלֶךְ־חָצוֹר וַיִּשְׁלַח אֶל־יוֹבָב מֶלֶךְ מָדוֹן
ב וְאֶל־מֶלֶךְ שִׁמְרוֹן וְאֶל־מֶלֶךְ אַכְשָׁף׃ וְאֶל־הַמְּלָכִים אֲשֶׁר
מִצְּפוֹן בָּהָר וּבָעֲרָבָה נֶגֶב כִּנְרוֹת וּבַשְּׁפֵלָה וּבְנָפוֹת דּוֹר
ג מִיָּם׃ הַכְּנַעֲנִי מִמִּזְרָח וּמִיָּם וְהָאֱמֹרִי וְהַחִתִּי וְהַפְּרִזִּי וְהַיְבוּסִי
ד בָּהָר וְהַחִוִּי תַּחַת חֶרְמוֹן בְּאֶרֶץ הַמִּצְפָּה׃ וַיֵּצְאוּ הֵם וְכָל־
מַחֲנֵיהֶם עִמָּם עַם־רָב כַּחוֹל אֲשֶׁר עַל־שְׂפַת־הַיָּם לָרֹב
ה וְסוּס וָרֶכֶב רַב־מְאֹד׃ וַיִּוָּעֲדוּ כֹּל הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה וַיָּבֹאוּ
וַיַּחֲנוּ יַחְדָּו אֶל־מֵי מֵרוֹם לְהִלָּחֵם עִם־יִשְׂרָאֵל׃
ו וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אַל־תִּירָא מִפְּנֵיהֶם כִּי מָחָר כָּעֵת
הַזֹּאת אָנֹכִי נֹתֵן אֶת־כֻּלָּם חֲלָלִים לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־

יא, ד׳ קמץ בזקף גדול

יא 1 און עס איז געווען, ווי יבֿין דער מלך פֿון חצור האָט דערהערט, אַזוי האָט ער געשיקט צו יובֿב דעם מלך פֿון
מדון, און צו דעם מלך פֿון שמרון, און צו דעם מלך פֿון אַכשף; 2 און צו די מלכים וואָס אין צפֿון, אין דעם גע־
בערג, און אויפֿן פֿליין, אין דרום פֿון כּנרות, און אין דער נידערונג, און אין די געגנטן פֿון דור, אין מערבֿ; 3 צו דעם
כּנעני אין מזרח און אין מערבֿ, און צו דעם אמורי, און דעם חתּי, און דעם פּרזי, און דעם יבֿוסי אין דעם געבערג, און
דעם חיווי אונטער חרמון אין לאַנד מצפּה. 4 און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען, זיי און אַלע זייערע מחנות מיט זיי, פֿיל פֿאָלק,
אַזוי ווי דער זאַמד וואָס אויפֿן ברעג פֿון ים אין פֿילקייט, און פֿערד און רײַטוועגן זייער פֿיל. 5 און אַלע דיזאָזיקע מלכים
האָבן זיך אײַנגעזאַמלט, און זײַנען געקומען, און האָבן אין איינעם געלאַגערט בײַ די וואַסערן פֿון מרום, מלחמה צו
האַלטן מיט ישׂראל.
6 האָט גאָט געזאָגט צו יהושען: זאָלסט ניט מורא האָבן פֿאַר זיי, וואָרום מאָרגן אַרום דער צײַט, גיב איך זיי אַלע
איבער דערשלאָגענע פֿאַר ישׂראל. זייערע פֿערד זאָלסטו אויסרײַסן, און זייערע רײַטוועגן זאָלסטו פֿאַרברענען אין
פֿײַער.

סוּסֵיהֶם תְּעַקֵּר וְאֶת־מַרְכְּבֹתֵיהֶם תִּשְׂרֹף בָּאֵשׁ׃ וַיָּבֹא ז
יְהוֹשֻׁעַ וְכָל־עַם הַמִּלְחָמָה עִמּוֹ עֲלֵיהֶם עַל־מֵי מֵרוֹם
פִּתְאֹם וַיִּפְּלוּ בָּהֶם׃ וַיִּתְּנֵם יְהוָה בְּיַד־יִשְׂרָאֵל וַיַּכּוּם ח
וַיִּרְדְּפוּם עַד־צִידוֹן רַבָּה וְעַד מִשְׂרְפוֹת מַיִם וְעַד־בִּקְעַת
מִצְפֶּה מִזְרָחָה וַיַּכֻּם עַד־בִּלְתִּי הִשְׁאִיר־לָהֶם שָׂרִיד׃
וַיַּעַשׂ לָהֶם יְהוֹשֻׁעַ כַּאֲשֶׁר אָמַר־לוֹ יְהוָה אֶת־סוּסֵיהֶם עִקֵּר ט
וְאֶת־מַרְכְּבֹתֵיהֶם שָׂרַף בָּאֵשׁ׃ וַיָּשָׁב יְהוֹשֻׁעַ בָּעֵת י
הַהִיא וַיִּלְכֹּד אֶת־חָצוֹר וְאֶת־מַלְכָּהּ הִכָּה בֶחָרֶב כִּי־חָצוֹר
לְפָנִים הִיא רֹאשׁ כָּל־הַמַּמְלָכוֹת הָאֵלֶּה׃ וַיַּכּוּ אֶת־כָּל־ יא
הַנֶּפֶשׁ אֲשֶׁר־בָּהּ לְפִי־חֶרֶב הַחֲרֵם לֹא נוֹתַר כָּל־נְשָׁמָה
וְאֶת־חָצוֹר שָׂרַף בָּאֵשׁ׃ וְאֶת־כָּל־עָרֵי הַמְּלָכִים־הָאֵלֶּה יב
וְאֶת־כָּל־מַלְכֵיהֶם לָכַד יְהוֹשֻׁעַ וַיַּכֵּם לְפִי־חֶרֶב הֶחֱרִים
אוֹתָם כַּאֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה׃ רַק כָּל־הֶעָרִים יג
הָעֹמְדוֹת עַל־תִּלָּם לֹא שְׂרָפָם יִשְׂרָאֵל זוּלָתִי אֶת־חָצוֹר
לְבַדָּהּ שָׂרַף יְהוֹשֻׁעַ׃ וְכֹל שְׁלַל הֶעָרִים הָאֵלֶּה וְהַבְּהֵמָה יד
בָּזְזוּ לָהֶם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רַק אֶת־כָּל־הָאָדָם הִכּוּ לְפִי־חֶרֶב
עַד־הִשְׁמִדָם אוֹתָם לֹא הִשְׁאִירוּ כָּל־נְשָׁמָה׃ כַּאֲשֶׁר צִוָּה טו
יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה עַבְדּוֹ כֵּן־צִוָּה מֹשֶׁה אֶת־יְהוֹשֻׁעַ וְכֵן עָשָׂה
יְהוֹשֻׁעַ לֹא־הֵסִיר דָּבָר מִכֹּל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃
וַיִּקַּח יְהוֹשֻׁעַ אֶת־כָּל־הָאָרֶץ הַזֹּאת הָהָר וְאֶת־כָּל־הַנֶּגֶב טז
וְאֵת כָּל־אֶרֶץ הַגֹּשֶׁן וְאֶת־הַשְּׁפֵלָה וְאֶת־הָעֲרָבָה וְאֶת־הַר
יִשְׂרָאֵל וּשְׁפֵלָתֹה׃ מִן־הָהָר הֶחָלָק הָעוֹלֶה שֵׂעִיר וְעַד־ יז
בַּעַל גָּד בְּבִקְעַת הַלְּבָנוֹן תַּחַת הַר־חֶרְמוֹן וְאֵת כָּל־
מַלְכֵיהֶם לָכַד וַיַּכֵּם וַיְמִיתֵם׃ יָמִים רַבִּים עָשָׂה יְהוֹשֻׁעַ יח
אֶת־כָּל־הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה מִלְחָמָה׃ לֹא־הָיְתָה עִיר אֲשֶׁר יט
הִשְׁלִימָה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בִּלְתִּי הַחִוִּי יֹשְׁבֵי גִבְעוֹן אֶת־
הַכֹּל לָקְחוּ בַמִּלְחָמָה׃ כִּי מֵאֵת יְהוָה ׀ הָיְתָה לְחַזֵּק אֶת־ כ

טז׳ ושפלתו קרי

7 און יהושע און דאָס גאַנצע מלחמה־פאָלק מיט אים זיינען געקומען אויף זיי פּלוצים ביי די וואַסערן פון מרום, און זיי זיינען אָנגעפאַלן אויף זיי. 8 און גאָט האָט זיי געגעבן אין דער האַנט פון ישׂראל, און זיי האָבן זיי געשלאָגן, און זיי נאָכגעיאָגט ביז גרויס־צידון, און ביז מִשׂרפות־מַיִם, און ביז דעם טאָל פון מִצפּה צו מזרח; און זיי האָבן זיי געשלאָגן ביז זיי ניט צו לאָזן אַן איבערבלייב. 9 און יהושע האָט צו זיי געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט אים אָנגעזאָגט; זייערע פערד האָט ער אויסגעריסן, און זייערע רייטוועגן, האָט ער פאַרברענט אין פייער.

10 און יהושע האָט זיך אומגעקערט אין יענער צייט, און האָט באַצוווּנגען חצור, און איר מלך האָט ער גע־שלאָגן מיטן שווערד; וואָרום חצור איז פריער געווען דאָס הויפּט פון אַלע דידאָזיקע קיניגרייכן. 11 און זיי האָבן דערשלאָגן אַלע נפשות וואָס אין איר מיטן שאַרף פון שווערד—פאַרווּיסט; עס איז ניט געבליבן קיין לעבעדי־קער אָטעם; און חצור האָט ער פאַרברענט אין פייער. 12 און אַלע שטעט פון דידאָזיקע מלכים, און אַלע זייערע מלכים, האָט יהושע באַצוווּנגען, און זיי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד—זיי פאַרווּיסט, אַזוי ווי משה דער קנעכט פון גאָט האָט באַפוילן. 13 אָבער אַלע שטעט וואָס זיינען געשטאַנען אויף זייערע בערגלעך, זיי האָט ישׂראל ניט פאַרברענט; בלויז חצור אַליין האָט יהושע פאַרברענט. 14 און דעם גאַנצן זאַקרויב פון דידאָזיקע שטעט, און די בהמות, האָבן די קינדער פון ישׂראל גערויבט פאַר זיך; נאָר אַלע מענטשן האָבן זיי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד ביז זיי האָבן זיי פאַרטיליקט; זיי האָבן ניט איבערגעלאָזט קיין לעבעדיקן אָטעם. 15 אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן זיין קנעכט משהן, אַזוי האָט משה באַפוילן יהושען, און אַזוי האָט יהושע געטאָן. ער האָט ניט אויס־געלאָזט אַ זאַך פון אַלץ וואָס גאָט האָט באַפוילן משהן. 16 און יהושע האָט איינגענומען דאָסדאָזיקע גאַנצע לאַנד, דאָס געבערג, און דעם גאַנצן דָרום, און דאָס גאַנצע לאַנד גושן, און די נידערונג, און דעם פלוין, און דאָס געבערג פון ישׂראל, און זיין נידערונג, 17 פון דעם גלאַטן באַרג וואָס גייט אַרויף צו שֵׂעיר, און ביז בַעל־גָד אין טאָל פון לבנון, אונטער באַרג חֶרמון; און אַלע זייערע מלכים האָט ער באַצוווּנגען, און זיי געשלאָגן און זיי געטייט. 18 פיל טעג האָט יהושע געפירט מלחמה מיט אַלע דידאָזיקע מלכים. 19 ניט געווען אַ שטאָט וואָס האָט געמאַכט שלום מיט די קינדער פון ישׂראל, אַחוץ דער חִוִי, די באַוווינער פון גִבעון; אַלץ האָבן זיי איינגענומען מיט מלחמה. 20 וואָרום עס איז געווען פון גאָט, צו שטאַרקן

זייער האַרץ אויף מלחמה מיט ישראל, אַז מע זאָל זיי
פאַרוויסטן, כּדי זיי זאָל ניט זיין קיין לייטזעליקייט,
נייערט אַז מע זאָל זיי פאַרטיליקן, אַזוי ווי גאָט האָט
באַפוילן משהן.
21 און יהושע איז געקומען אין יענער צייט, און האָט
פאַרשניטן די ענָקים פון דעם געבערג, פון חֶברון, פון
דביר, פון עֲנָב, און פון גאַנצן געבערג פון יהודה, און פון
גאַנצן געבערג פון ישׂראל; מיט זייערע שטעט האָט זיי
יהושע פאַרוויסט. 22 עס זיינען ניט איבערגעבליבן קיין
עֲנָקים אין לאַנד פון די קינדער פון ישׂראל; נאָר אין עַזָה,
אין גַת, און אין אַשדוד, זיינען זיי געבליבן. 23 און יהושע
האָט איינגענומען דאָס גאַנצע לאַנד, אַזוי ווי אַלץ וואָס
גאָט האָט גערעדט צו משהן; און יהושע האָט עס געגעבן
פאַר אַ נחלה צו ישראל לויט זייערע אַיינטיילונגען נאָך
זייערע שבטים.

און דאָס לאַנד איז געווען רואיק פון מלחמה.

# יב

1 און דאָס זיינען די מלכים פון לאַנד וואָס די
קינדער פון ישׂראל האָבן געשלאָגן, און גע‏אַרבט
זייער לאַנד אויף יענער זייט יַרדן, צו זונאויפגאַנג, פון
טאָל אַרנון ביז באַרג חֶרמון, און דעם גאַנצן פּלוין צו
מזרח: 2 סיחון דער מלך פון אֶמורי וואָס איז געזעסן אין
חֶשבון, וואָס האָט געוועלטיקט פון עֲרוֹעֵר וואָס ביים
ברעג טאָל אַרנון און אין מיטן טאָל, און איבער האַלב גִלעָד, און ביז דעם טייך יַבוק, דעם געמאַרק פון די קינדער
פון עַמון, 3 און איבער דעם פּלוין ביזן ים כִּנרות, צו מזרח, און ביז דעם ים פון פּלוין, דעם יַם־הַמֶלַח, צו מזרח,
אויפן וועג צו בֵית־ישימות; און אין דָרום, אונטער די אַראָפּגאַנגען פון פִּסגָה. 4 און דער געמאַרק פון עוג דעם מלך
פון בָשָן, פון דעם רעשט פון די רפָאים, וואָס איז געזעסן אין עַשתָרות, און אין אֶדרֶעִי, 5 און האָט געוועלטיקט איבער
באַרג חֶרמון, און איבער סַלכָה, און איבער גאַנץ בָשָן, ביז דעם געמאַרק פון דעם גשורי, און דעם מַעֲכָתי, און איבער
האַלב גִלעָד,—דעם געמאַרק פון סיחון דעם מלך פון חֶשבון. 6 משה דער קנעכט פון גאָט, און די קינדער פון ישׂראל,
האָבן זיי געשלאָגן, און משה דער קנעכט פון גאָט האָט עס געגעבן פאַר אַן אַרב צו די ראובֵנים, און צו די גָדים, און צום
האַלבן שבט מנשה.
7 און דאָס זיינען די מלכים פון לאַנד וואָס יהושע און די קינדער פון ישראל האָבן געשלאָגן אויף דער זייט יַרדן צו
מערב, פון בַעַל־גָד אין טאָל פון לבָנון, און ביז דעם גלאַטן באַרג וואָס גייט אַרויף צו שֵׂעִיר; און יהושע האָט עס געגעבן
די שבטים פון ישראל פאַר אַן אַרב לויט זייערע אַיינטיילונגען; 8 אין דעם געבערג, און אין דער נידערונג, און אין דעם
פּלוין, און אויף די אַראָפּגאַנגען, און אין מדבר, און אין דעם דָרום; דער חִתי, דער אֶמורי, און דער כּנַעֲני, דער פּרִזי,
דער חִוִי, און דער יבוסי.

לִבָּם לִקְרַאת הַמִּלְחָמָה אֶת־יִשְׂרָאֵל לְמַעַן הַחֲרִימָם
לְבִלְתִּי הֱיוֹת לָהֶם תְּחִנָּה כִּי לְמַעַן הַשְׁמִידָם כַּאֲשֶׁר צִוָּה
כא יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וַיָּבֹא יְהוֹשֻׁעַ בָּעֵת הַהִיא וַיַּכְרֵת
אֶת־הָעֲנָקִים מִן־הָהָר מִן־חֶבְרוֹן מִן־דְּבִר מִן־עֲנָב וּמִכֹּל
הַר יְהוּדָה וּמִכֹּל הַר יִשְׂרָאֵל עִם־עָרֵיהֶם הֶחֱרִימָם יְהוֹשֻׁעַ׃
כב לֹא־נוֹתַר עֲנָקִים בְּאֶרֶץ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל רַק בְּעַזָּה בְּגַת
כג וּבְאַשְׁדּוֹד נִשְׁאָרוּ׃ וַיִּקַּח יְהוֹשֻׁעַ אֶת־כָּל־הָאָרֶץ כְּכֹל אֲשֶׁר
דִּבֶּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה וַיִּתְּנָהּ יְהוֹשֻׁעַ לְנַחֲלָה לְיִשְׂרָאֵל
כְּמַחְלְקֹתָם לְשִׁבְטֵיהֶם וְהָאָרֶץ שָׁקְטָה מִמִּלְחָמָה׃

יב

א וְאֵלֶּה ׀ מַלְכֵי הָאָרֶץ אֲשֶׁר הִכּוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל וַיִּרְשׁוּ אֶת־
אַרְצָם בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִזְרְחָה הַשָּׁמֶשׁ מִנַּחַל אַרְנוֹן עַד־
ב הַר חֶרְמוֹן וְכָל־הָעֲרָבָה מִזְרָחָה׃ סִיחוֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי
הַיּוֹשֵׁב בְּחֶשְׁבּוֹן מֹשֵׁל מֵעֲרֹעֵר אֲשֶׁר עַל־שְׂפַת־נַחַל אַרְנוֹן
וְתוֹךְ הַנַּחַל וַחֲצִי הַגִּלְעָד וְעַד יַבֹּק הַנַּחַל גְּבוּל בְּנֵי עַמּוֹן׃
ג וְהָעֲרָבָה עַד־יָם כִּנְרוֹת מִזְרָחָה וְעַד יָם הָעֲרָבָה יָם־
הַמֶּלַח מִזְרָחָה דֶּרֶךְ בֵּית הַיְשִׁמוֹת וּמִתֵּימָן תַּחַת אַשְׁדּוֹת
ד הַפִּסְגָּה׃ וּגְבוּל עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן מִיֶּתֶר הָרְפָאִים הַיּוֹשֵׁב
ה בְּעַשְׁתָּרוֹת וּבְאֶדְרֶעִי׃ וּמֹשֵׁל בְּהַר חֶרְמוֹן וּבְסַלְכָה וּבְכָל־
הַבָּשָׁן עַד־גְּבוּל הַגְּשׁוּרִי וְהַמַּעֲכָתִי וַחֲצִי הַגִּלְעָד גְּבוּל
ו סִיחוֹן מֶלֶךְ־חֶשְׁבּוֹן׃ מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל הִכּוּם
וַיִּתְּנָהּ מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה יְרֻשָּׁה לָרֻאוּבֵנִי וְלַגָּדִי וְלַחֲצִי שֵׁבֶט
ז הַמְנַשֶּׁה׃ וְאֵלֶּה מַלְכֵי הָאָרֶץ אֲשֶׁר הִכָּה יְהוֹשֻׁעַ וּבְנֵי
יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן יָמָּה מִבַּעַל גָּד בְּבִקְעַת הַלְּבָנוֹן
וְעַד־הָהָר הֶחָלָק הָעֹלֶה שֵׂעִירָה וַיִּתְּנָהּ יְהוֹשֻׁעַ לְשִׁבְטֵי
ח יִשְׂרָאֵל יְרֻשָּׁה כְּמַחְלְקֹתָם׃ בָּהָר וּבַשְּׁפֵלָה וּבָעֲרָבָה
וּבָאֲשֵׁדוֹת וּבַמִּדְבָּר וּבַנֶּגֶב הַחִתִּי הָאֱמֹרִי וְהַכְּנַעֲנִי הַפְּרִזִּי
הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי׃

ט מֶלֶךְ יְרִיחוֹ אֶחָד
מֶלֶךְ הָעַי אֲשֶׁר־מִצַּד בֵּית־אֵל אֶחָד׃
י מֶלֶךְ יְרוּשָׁלִַם אֶחָד
מֶלֶךְ חֶבְרוֹן אֶחָד׃
יא מֶלֶךְ יַרְמוּת אֶחָד
מֶלֶךְ לָכִישׁ אֶחָד׃
יב מֶלֶךְ עֶגְלוֹן אֶחָד
מֶלֶךְ גֶּזֶר אֶחָד׃
יג מֶלֶךְ דְּבִר אֶחָד
מֶלֶךְ גֶּדֶר אֶחָד׃
יד מֶלֶךְ חָרְמָה אֶחָד
מֶלֶךְ עֲרָד אֶחָד׃
טו מֶלֶךְ לִבְנָה אֶחָד
מֶלֶךְ עֲדֻלָּם אֶחָד׃
טז מֶלֶךְ מַקֵּדָה אֶחָד
מֶלֶךְ בֵּית־אֵל אֶחָד׃
יז מֶלֶךְ תַּפּוּחַ אֶחָד
מֶלֶךְ חֵפֶר אֶחָד׃
יח מֶלֶךְ אֲפֵק אֶחָד
מֶלֶךְ לַשָּׁרוֹן אֶחָד׃
יט מֶלֶךְ מָדוֹן אֶחָד
מֶלֶךְ חָצוֹר אֶחָד׃
כ מֶלֶךְ שִׁמְרוֹן מְראוֹן אֶחָד
מֶלֶךְ אַכְשָׁף אֶחָד׃
כא מֶלֶךְ תַּעְנַךְ אֶחָד
מֶלֶךְ מְגִדּוֹ אֶחָד׃
כב מֶלֶךְ קֶדֶשׁ אֶחָד

כ׳ לא קרי א

9 דער מלך פון יריחו, איינער;
דער מלך פון עַי וואָס לעבן בֵּית־אֵל, איינער;
10 דער מלך פון ירושָלַיִם, איינער;
דער מלך פון חֶברון, איינער;
11 דער מלך פון יַרמות, איינער;
דער מלך פון לָכיש, איינער;
12 דער מלך פון עֶגלון, איינער;
דער מלך פון גֶזֶר, איינער;
13 דער מלך פון דביר, איינער;
דער מלך פון גֶדֶר, איינער;
14 דער מלך פון חָרמָה, איינער;
דער מלך פון עֲרָד, איינער;
15 דער מלך פון לִבנָה, איינער;
דער מלך פון עֲדולָם, איינער;
16 דער מלך פון מַקֵדָה, איינער;
דער מלך פון בֵּית־אֵל, איינער;
17 דער מלך פון תַּפּוּחַ, איינער;
דער מלך פון חֵפֶר, איינער;
18 דער מלך פון אֲפֵק, איינער;
דער מלך איבערן שָרון, איינער;
19 דער מלך פון מָדון, איינער;
דער מלך פון חָצור, איינער;
20 דער מלך פון שִמרון־מרון, איינער;
דער מלך פון אַכשָף, איינער;
21 דער מלך פון תַּעֲנַך, איינער;
דער מלך פון מגִדו, איינער;
22 דער מלך פון קֶדֶש, איינער;

דער מלך פון יָקְנְעָם אין כַּרמֶל, איינער;
[23] דער מלך פון דור, אין דער געגנט פון דור, איינער;
דער מלך פון גוֹיִם אין גִלגָל, איינער;
[24] דער מלך פון תִּרצָה, איינער;
אַלע מלכים, איין און דרייסיק.

יג [1] און יהושע איז געוואָרן אַלט און באַטאָגט; און גאָט
האָט צו אים געזאָגט: דו ביסט אַלט און באַטאָגט,
און פון לאַנד איז נאָך געבליבן זייער פיל אײַנצונעמען.
[2] דאָס איז דאָס לאַנד וואָס איז נאָך געבליבן: אַלע געגנטן
פון די פּלִשתּים, און דער גאַנצער גשורי, [3] פון דעם שיחור
וואָס פאַר מִצרַיִם, און ביז דעם געמאַרק פון עֶקרוֹן צו
צפון, וואָס ווערט גערעכנט צום כּנַעֲני; די פינף פירשטן
פון די פּלִשתּים, דער עַזָהער, און דער אַשדודער, דער
אַשקלונער, דער גַתער, און דער עֶקרונער; און די עַוִים
[4] אין דָרום; דאָס גאַנצע לאַנד פון כּנַעֲני, און מְעָרָה וואָס
געהערט צו די צידונים, ביז אֲפֵק, ביז דעם געמאַרק פון
אֶמורי; [5] און דאָס לאַנד פון גִבלי, און דער גאַנצער לבָנון
צו זונאויפגאַנג, פון בַּעַל־גָד אונטער באַרג חֶרמון, ביז מע
קומט קיין חֲמָת; [6] אַלע באַוווינער פון דעם געבערג, פון
לבָנון ביז מִשׂרפוֹת־מַיִם, אַלע צידונים. איך וועל זיי פאַרטרײַבן פון פאַר די קינדער פון ישׂראל; נאָר וואַרף דו
עס אויס צו ישׂראל פאַר אַ נחלה, אַזוי ווי איך האָב דיר באַפוילן. [7] און אַצונד צעטייל דאָסדאָזיקע לאַנד פאַר אַ
נחלה צו די ניין שבטים, און דעם האַלבן שבט מנשה. [8] מיט אים[א] האָבן די ראובנים און די גָדים געקריגן זייער נחלה,
וואָס משה האָט זיי געגעבן, אויף יענער זייט יַרדן צו מזרח, אַזוי ווי משה דער קנעכט פון גאָט האָט זיי געגעבן: [9] פון
עֲרוֹעֵר וואָס בײַם ברעג טאָל אַרנון, און די שטאָט וואָס אין מיטן טאָל, און דאָס גאַנצע פלאַכלאַנד, מֵידבָא ביז דיבון;
[10] און אַלע שטעט פון סיחון דעם מלך פון אֶמורי, וואָס האָט געקיניגט אין חֶשבּון, ביז דעם געמאַרק פון די קינדער פון
עַמון; [11] און גִלעָד, און דעם געמאַרק פון דעם גשורי, און דעם מַעֲכָתי, און גאַנץ באַרג חֶרמון, און גאַנץ בָּשָן ביז סַלכָה;
[12] דאָס גאַנצע קיניגרײַך פון עוֹג אין בָּשָן, וואָס האָט געקיניגט אין עַשתָּרוֹת און אין אֶדרֶעִי—ער איז איבערגעבליבן פון דעם
רעשט פון די רפָאים—וואָרום משה האָט זיי געשלאָגן, און האָט זיי פאַרטריבן. [13] אָבער די קינדער פון ישׂראל האָבן ניט
פאַרטריבן דעם גשורי און דעם מַעֲכָתי; און גשור און מַעֲכָת זײַנען געבליבן זיצן צווישן ישׂראל ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

מֶלֶךְ־יָקְנְעָם לַכַּרְמֶל אֶחָד׃
כג מֶלֶךְ דּוֹר לְנָפַת דּוֹר אֶחָד
מֶלֶךְ־גּוֹיִם לְגִלְגָּל אֶחָד׃
כד מֶלֶךְ תִּרְצָה אֶחָד
כָּל־מְלָכִים שְׁלֹשִׁים וְאֶחָד׃

יג

א וִיהוֹשֻׁעַ זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו אַתָּה זָקַנְתָּה
ב בָּאתָ בַיָּמִים וְהָאָרֶץ נִשְׁאֲרָה הַרְבֵּה־מְאֹד לְרִשְׁתָּהּ׃ זֹאת
ג הָאָרֶץ הַנִּשְׁאָרֶת כָּל־גְּלִילוֹת הַפְּלִשְׁתִּים וְכָל־הַגְּשׁוּרִי׃ מִן־
הַשִּׁיחוֹר אֲשֶׁר | עַל־פְּנֵי מִצְרַיִם וְעַד גְּבוּל עֶקְרוֹן צָפוֹנָה
לַכְּנַעֲנִי תֵּחָשֵׁב חֲמֵשֶׁת | סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים הָעַזָּתִי וְהָאַשְׁדּוֹדִי
ד הָאֶשְׁקְלוֹנִי הַגִּתִּי וְהָעֶקְרוֹנִי וְהָעַוִּים׃ מִתֵּימָן כָּל־אֶרֶץ
הַכְּנַעֲנִי וּמְעָרָה אֲשֶׁר לַצִּידֹנִים עַד־אֲפֵקָה עַד גְּבוּל הָאֱמֹרִי׃
ה וְהָאָרֶץ הַגִּבְלִי וְכָל־הַלְּבָנוֹן מִזְרַח הַשֶּׁמֶשׁ מִבַּעַל גָּד תַּחַת
ו הַר־חֶרְמוֹן עַד לְבוֹא חֲמָת׃ כָּל־יֹשְׁבֵי הָהָר מִן־הַלְּבָנוֹן
עַד־מִשְׂרְפֹת מַיִם כָּל־צִידֹנִים אָנֹכִי אוֹרִישֵׁם מִפְּנֵי בְּנֵי
ז יִשְׂרָאֵל רַק הַפִּלֶהָ לְיִשְׂרָאֵל בְּנַחֲלָה כַּאֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ׃ וְעַתָּה
חַלֵּק אֶת־הָאָרֶץ הַזֹּאת בְּנַחֲלָה לְתִשְׁעַת הַשְּׁבָטִים וַחֲצִי
ח הַשֵּׁבֶט הַמְנַשֶּׁה׃ עִמּוֹ הָראוּבֵנִי וְהַגָּדִי לָקְחוּ נַחֲלָתָם אֲשֶׁר
נָתַן לָהֶם מֹשֶׁה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִזְרָחָה כַּאֲשֶׁר נָתַן לָהֶם
ט מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה׃ מֵעֲרוֹעֵר אֲשֶׁר עַל־שְׂפַת־נַחַל אַרְנוֹן
וְהָעִיר אֲשֶׁר בְּתוֹךְ־הַנַּחַל וְכָל־הַמִּישֹׁר מֵידְבָא עַד־דִּיבוֹן׃
י וְכֹל עָרֵי סִיחוֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר מָלַךְ בְּחֶשְׁבּוֹן עַד־
יא גְּבוּל בְּנֵי־עַמּוֹן׃ וְהַגִּלְעָד וּגְבוּל הַגְּשׁוּרִי וְהַמַּעֲכָתִי וְכֹל
יב הַר חֶרְמוֹן וְכָל־הַבָּשָׁן עַד־סַלְכָה׃ כָּל־מַמְלְכוּת עוֹג בַּבָּשָׁן
אֲשֶׁר־מָלַךְ בְּעַשְׁתָּרוֹת וּבְאֶדְרֶעִי הוּא נִשְׁאַר מִיֶּתֶר הָרְפָאִים
יג וַיַּכֵּם מֹשֶׁה וַיֹּרִשֵׁם׃ וְלֹא הוֹרִישׁוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־הַגְּשׁוּרִי
וְאֶת־הַמַּעֲכָתִי וַיֵּשֶׁב גְּשׁוּר וּמַעֲכָת בְּקֶרֶב יִשְׂרָאֵל עַד הַיּוֹם

[א] ד. ה. מיט דעם (אַנדער האַלבן) שבט מנשה.

הַזֶּה׃ רַק לְשֵׁבֶט הַלֵּוִי לֹא נָתַן נַחֲלָה אִשֵּׁי יְהוָה אֱלֹהֵי יד
יִשְׂרָאֵל הוּא נַחֲלָתוֹ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר־לוֹ׃ וַיִּתֵּן מֹשֶׁה טו
לְמַטֵּה בְנֵי־רְאוּבֵן לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ וַיְהִי לָהֶם הַגְּבוּל טז
מֵעֲרוֹעֵר אֲשֶׁר עַל־שְׂפַת־נַחַל אַרְנוֹן וְהָעִיר אֲשֶׁר בְּתוֹךְ־
הַנַּחַל וְכָל־הַמִּישֹׁר עַל־מֵידְבָא׃ חֶשְׁבּוֹן וְכָל־עָרֶיהָ אֲשֶׁר יז
בַּמִּישֹׁר דִּיבוֹן וּבָמוֹת בַּעַל וּבֵית בַּעַל מְעוֹן׃ וְיַהְצָה יח
וּקְדֵמֹת וּמֵפָעַת׃ וְקִרְיָתַיִם וְשִׂבְמָה וְצֶרֶת הַשַּׁחַר בְּהַר יט
הָעֵמֶק׃ וּבֵית פְּעוֹר וְאַשְׁדּוֹת הַפִּסְגָּה וּבֵית הַיְשִׁמוֹת׃ כ
וְכֹל עָרֵי הַמִּישֹׁר וְכָל־מַמְלְכוּת סִיחוֹן מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר כא
מָלַךְ בְּחֶשְׁבּוֹן אֲשֶׁר הִכָּה מֹשֶׁה אֹתוֹ ׀ וְאֶת־נְשִׂיאֵי מִדְיָן
אֶת־אֱוִי וְאֶת־רֶקֶם וְאֶת־צוּר וְאֶת־חוּר וְאֶת־רֶבַע נְסִיכֵי
סִיחוֹן יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ׃ וְאֶת־בִּלְעָם בֶּן־בְּעוֹר הַקּוֹסֵם הָרְגוּ כב
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּחֶרֶב אֶל־חַלְלֵיהֶם׃ וַיְהִי גְּבוּל בְּנֵי רְאוּבֵן כג
הַיַּרְדֵּן וּגְבוּל זֹאת נַחֲלַת בְּנֵי־רְאוּבֵן לְמִשְׁפְּחוֹתָם הֶעָרִים
וְחַצְרֵיהֶן׃ וַיִּתֵּן מֹשֶׁה לְמַטֵּה גָד לִבְנֵי גָד לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ כד
וַיְהִי לָהֶם הַגְּבוּל יַעְזֵר וְכָל־עָרֵי הַגִּלְעָד וַחֲצִי אֶרֶץ בְּנֵי כה
עַמּוֹן עַד־עֲרוֹעֵר אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי רַבָּה׃ * וּמֵחֶשְׁבּוֹן עַד־ כו
רָמַת הַמִּצְפֶּה וּבְטֹנִים וּמִמַּחֲנַיִם עַד־גְּבוּל לִדְבִר׃ וּבָעֵמֶק כז
בֵּית הָרָם וּבֵית נִמְרָה וְסֻכּוֹת וְצָפוֹן יֶתֶר מַמְלְכוּת
סִיחוֹן מֶלֶךְ חֶשְׁבּוֹן הַיַּרְדֵּן וּגְבֻל עַד־קְצֵה יָם־כִּנֶּרֶת
עֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִזְרָחָה׃ זֹאת נַחֲלַת בְּנֵי־גָד לְמִשְׁפְּחֹתָם כח
הֶעָרִים וְחַצְרֵיהֶם׃ וַיִּתֵּן מֹשֶׁה לַחֲצִי שֵׁבֶט מְנַשֶּׁה כט
וַיְהִי לַחֲצִי מַטֵּה בְנֵי־מְנַשֶּׁה לְמִשְׁפְּחוֹתָם׃ וַיְהִי גְבוּלָם ל
מִמַּחֲנַיִם כָּל־הַבָּשָׁן כָּל־מַמְלְכוּת ׀ עוֹג מֶלֶךְ־הַבָּשָׁן
וְכָל־חַוֹּת יָאִיר אֲשֶׁר בַּבָּשָׁן שִׁשִּׁים עִיר׃ וַחֲצִי הַגִּלְעָד לא
וְעַשְׁתָּרוֹת וְאֶדְרֶעִי עָרֵי מַמְלְכוּת עוֹג בַּבָּשָׁן לִבְנֵי מָכִיר
בֶּן־מְנַשֶּׁה לַחֲצִי בְנֵי־מָכִיר לְמִשְׁפְּחוֹתָם׃ אֵלֶּה אֲשֶׁר־ לב

טז׳ סבירין עד   כו׳ חצי הספר בפסוקים

[14] נאָר דעם שבט לֵוִי האָט ער ניט געגעבן קיין נחלה; די פֿײַעראָפּפֿער פֿון יהוה דעם גאָט פֿון ישׂראל, דאָס איז זײַן נחלה, אַזוי ווי ער האָט צו אים גערעדט.

[15] און משה האָט געגעבן דעם שבט פֿון די קינדער פֿון ראובן לויט זייערע משפּחות. [16] און זייער געמאַרק איז געווען פֿון עֲרוֹעֵר וואָס ביים ברעג טאָל אַרנון, און די שטאָט וואָס אין מיטן טאָל, און דאָס גאַנצע פֿלאַכלאַנד ביז מֵידבאָ; [17] חֶשבּון און אַלע אירע שטעט וואָס אויפֿן פֿלאַכלאַנד, דיבון, און בָּמוֹת־בַּעַל, און בֵּית־בַּעַל־מְעוֹן; [18] און יַהצָה, און קְדֵמוֹת, און מֵיפָעַת; [19] און קִריָתַיִם, און שִׂבמָה, און צֶרֶת־שַחַר אויפֿן טאָלבאַרג; [20] און בֵּית־פְּעוֹר, און די אַראָפּגאַנגען פֿון פִּסגָה, און בֵּית־ישימות; [21] און אַלע שטעט פֿון דעם פֿלאַכלאַנד, און דאָס גאַנצע קיניגרייך פֿון סיחון דעם מלך פֿון אֱמורי, וואָס האָט געקיניגט אין חֶשבּון, וואָס משה האָט אים געשלאָגן מיט די הויפּטלייט פֿון מִדיָן, אֱוִי, און רֶקֶם, און צור, און חור, און רֶבַע, די פֿירשטן פֿון סיחונען, באַוווינער פֿון לאַנד. [22] אויך בִּלעָם דעם זון פֿון בְּעוֹרן, דעם וואָרזאָגער, האָבן די קינדער פֿון ישׂראל געהרגעט מיטן שווערד צווישן זייערע דערשלאָגענע. [23] און דער געמאַרק פֿון די קינדער פֿון ראובן איז געווען דער יַרדן מיטן ברעג.

דאָס איז די נחלה פֿון די קינדער פֿון ראובן לויט זייערע משפּחות, די שטעט מיט זייערע דערפֿער.

[24] און משה האָט געגעבן דעם שבט גָד, די קינדער פֿון גָד, לויט זייערע משפּחות. [25] און זייער געמאַרק איז געווען יַעזֵר, און אַלע שטעט פֿון גִלעָד, און אַ העלפֿט לאַנד פֿון די קינדער פֿון עַמון, ביז עֲרוֹעֵר וואָס פֿאַר רַבָּה; [26] און פֿון חֶשבּון ביז רָמַת־מִצפֶּה, און בּטוֹנים, און פֿון מַחֲנַיִם ביז דעם געמאַרק פֿון לִדבִר; [27] און אין טאָל, בֵּית־הָרָם, און בֵּית־נִמרָה, און סוּכּוֹת, און צָפוֹן, דער רעשט פֿון דעם קיניגרייך פֿון סיחון דעם מלך פֿון חֶשבּון, דער יַרדן מיטן ברעג, ביז עק ים כִּנֶרֶת, אויף יענער זייט יַרדן צו מזרח.

[28] דאָס איז די נחלה פֿון די קינדער פֿון גָד לויט זייערע משפּחות, די שטעט מיט זייערע דערפֿער.

[29] און משה האָט געגעבן צום האַלבן שבט מנשה; און עס איז געווען פֿאַר דעם האַלבן שבט פֿון די קינדער פֿון מנשה לויט זייערע משפּחות. [30] און זייער געמאַרק איז געווען פֿון מַחֲנַיִם, גאַנץ בָּשָן, דאָס גאַנצע קיניגרייך פֿון עוֹג דעם מלך פֿון בָּשָן, און אַלע „דערפֿער פֿון יָאִיר" וואָס אין בָּשָן, זעכציק שטעט; [31] און האַלב גִלעָד, און עַשתָּרוֹת, און אֶדרֶעִי, די שטעט פֿון דעם קיניגרייך פֿון עוֹגן אין בָּשָן, זיינען געווען פֿאַר די קינדער פֿון מָכִיר דעם זון פֿון מנשהן—פֿאַר אַ העלפֿט פֿון די קינדער פֿון מָכִיר, לויט זייערע משפּחות.

³² דאָס איז וואָס משה האָט געמאַכט אַרבן אין די פּלוינען פון מואָב, פון יענער זייט יַרדן, בײַ יריחו, צו מזרח. ³³ אָבער דעם שבט לֵוִי האָט משה ניט געגעבן קיין נחלה; יהוה דער גאָט פון ישׂראל, ער איז זיין נחלה, אַזוי ווי ער האָט צו זיי גערעדט.

# יד

¹ און דאָס איז וואָס די קינדער פון ישׂראל האָבן געאַרבט אין לאַנד כּנַעַן, וואָס אֶלעָזָר דער כּהן, און יהוֹשוּעַ דער זון פון נון, און די הויפּטלייט פון די פּאָטערהייזער פון די שבטים פון די קינדער פון ישׂראל, האָבן זיי געמאַכט אַרבן, ² לויט דעם גורל פון זייער נחלה, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן דורך משהן, פאַר די ניין שבטים און דעם האַלבן שבט.— ³ וואָרום די נחלה פון די צוויי שבטים און דעם האַלבן שבט האָט משה געגעבן פון יענער זייט יַרדן; נאָר די לְוִיִם האָט ער ניט געגעבן קיין נחלה צווישן זיי. ⁴ ווייל די קינדער פון יוסף זיינען געווען צוויי שבטים, מנשה און אפרים; און די לְוִיִם האָט מען ניט געגעבן קיין חלק אין לאַנד, נאָר שטעט צום וווינען מיט זייערע פרייע פּלעצער פאַר זייערע פי און פאַר זייער האָב.— ⁵ אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן משהן, אַזוי האָבן די קינדער פון ישׂראל געטאָן; און זיי האָבן צעטיילט דאָס לאַנד.

⁶ און די קינדער פון יהודה האָבן גענענט צו יהוֹשוּען אין גִלגָל, און כָּלֵב דער זון פון יפוּנֶהן, דער קנִזי, האָט צו אים געזאָגט: דו ווייסט דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט גערעדט צו משה דעם געטלעכן מאַן וועגן מיר און וועגן דיר אין קָדֵש־בַּרנֵעַ. ⁷ פערציק יאָר אַלט בין איך געווען, ווען משה דער קנעכט פון גאָט האָט מיך געשיקט פון קָדֵש־בַּרנֵעַ אויסצוקוקן דאָס לאַנד, און איך האָב אים געבראַכט אַן ענטפער אַזוי ווי אין מיין האַרצן. ⁸ און מיינע ברידער, וואָס זיינען אַרויפגעגאַנגען מיט מיר, האָבן געמאַכט צעגיין דאָס האַרץ פון פאָלק, אָבער איך בין געגאַנגען געטריי נאָך יהוה מיין גאָט. ⁹ און משה האָט געשוואָרן אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן: אויב דאָס לאַנד וואָס דיין פוס האָט דערויף געטרעטן, וועט ניט זיין פאַר אַ נחלה צו דיר און צו דיינע קינדער אויף אייביק! ווייל דו ביסט געגאַנגען געטריי נאָך יהוה מיין גאָט. ¹⁰ און אַצונד זע, גאָט האָט מיך געלאָזט לעבן, אַזוי ווי ער האָט גערעדט; שוין פינף און פערציק יאָר פון זינט גאָט האָט גערעדט דאָסדאָזיקע וואָרט צו משהן, ווען ישׂראל איז געגאַנגען אין מדבר; און אַצונד אָט בין איך היינט אַ מאַן פון פינף און אַכציק יאָר. ¹¹ איך בין נאָך היינט אַזוי שטאַרק, ווי אין דעם טאָג וואָס משה האָט מיך געשיקט; אַזוי ווי מיין כּוח

נַחַל מֹשֶׁה בְּעַרְבוֹת מוֹאָב מֵעֵבֶר לְיַרְדֵּן יְרִיחוֹ מִזְרָחָה׃
לג וּלְשֵׁבֶט הַלֵּוִי לֹא־נָתַן מֹשֶׁה נַחֲלָה יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
הוּא נַחֲלָתָם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָהֶם׃

יד

א וְאֵלֶּה אֲשֶׁר־נָחֲלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ כְּנָעַן אֲשֶׁר נִחֲלוּ
אוֹתָם אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן וְרָאשֵׁי אֲבוֹת הַמַּטּוֹת
ב לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ בְּגוֹרַל נַחֲלָתָם כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה בְּיַד־
ג מֹשֶׁה לְתִשְׁעַת הַמַּטּוֹת וַחֲצִי הַמַּטֶּה׃ כִּי־נָתַן מֹשֶׁה
נַחֲלַת שְׁנֵי הַמַּטּוֹת וַחֲצִי הַמַּטֶּה מֵעֵבֶר לַיַּרְדֵּן וְלַלְוִיִּם
ד לֹא־נָתַן נַחֲלָה בְּתוֹכָם׃ כִּי־הָיוּ בְנֵי־יוֹסֵף שְׁנֵי מַטּוֹת
מְנַשֶּׁה וְאֶפְרָיִם וְלֹא־נָתְנוּ חֵלֶק לַלְוִיִּם בָּאָרֶץ כִּי אִם־
ה עָרִים לָשֶׁבֶת וּמִגְרְשֵׁיהֶם לְמִקְנֵיהֶם וּלְקִנְיָנָם׃ כַּאֲשֶׁר
צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה כֵּן עָשׂוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּחְלְקוּ אֶת־
ו הָאָרֶץ׃ וַיִּגְּשׁוּ בְנֵי־יְהוּדָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ בַּגִּלְגָּל וַיֹּאמֶר
אֵלָיו כָּלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה הַקְּנִזִּי אַתָּה יָדַעְתָּ אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר־
דִּבֶּר יְהוָה אֶל־מֹשֶׁה אִישׁ־הָאֱלֹהִים עַל אֹדוֹתַי וְעַל־
ז אֹדוֹתֶיךָ בְּקָדֵשׁ בַּרְנֵעַ׃ בֶּן־אַרְבָּעִים שָׁנָה אָנֹכִי בִּשְׁלֹחַ
מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה אֹתִי מִקָּדֵשׁ בַּרְנֵעַ לְרַגֵּל אֶת־הָאָרֶץ
ח וָאָשֵׁב אֹתוֹ דָּבָר כַּאֲשֶׁר עִם־לְבָבִי׃ וְאַחַי אֲשֶׁר עָלוּ
עִמִּי הִמְסִיו אֶת־לֵב הָעָם וְאָנֹכִי מִלֵּאתִי אַחֲרֵי יְהוָה
ט אֱלֹהָי׃ וַיִּשָּׁבַע מֹשֶׁה בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר אִם־לֹא הָאָרֶץ
אֲשֶׁר דָּרְכָה רַגְלְךָ בָּהּ לְךָ תִהְיֶה לְנַחֲלָה וּלְבָנֶיךָ עַד־
י עוֹלָם כִּי מִלֵּאתָ אַחֲרֵי יְהוָה אֱלֹהָי׃ וְעַתָּה הִנֵּה הֶחֱיָה
יְהוָה אוֹתִי כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר זֶה אַרְבָּעִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה מֵאָז
דִּבֶּר יְהוָה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה אֶל־מֹשֶׁה אֲשֶׁר־הָלַךְ יִשְׂרָאֵל
בַּמִּדְבָּר וְעַתָּה הִנֵּה אָנֹכִי הַיּוֹם בֶּן־חָמֵשׁ וּשְׁמוֹנִים שָׁנָה׃
יא עוֹדֶנִּי הַיּוֹם חָזָק כַּאֲשֶׁר בְּיוֹם שְׁלֹחַ אוֹתִי מֹשֶׁה כְּכֹחִי

יד, ב׳ הדי בפתח   יא׳ כ׳ רבתי

אָז וּכְכֹחִי עָתָּה לַמִּלְחָמָה וְלָצֵאת וְלָבוֹא׃ וְעַתָּה תְּנָה־לִּי יב
אֶת־הָהָר הַזֶּה אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא כִּי־אַתָּה שָׁמַעְתָּ
בַיּוֹם הַהוּא כִּי־עֲנָקִים שָׁם וְעָרִים גְּדֹלוֹת בְּצֻרוֹת אוּלַי
יְהוָה אוֹתִי וְהוֹרַשְׁתִּים כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה׃ וַיְבָרְכֵהוּ יְהוֹשֻׁעַ יג
וַיִּתֵּן אֶת־חֶבְרוֹן לְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה לְנַחֲלָה׃ עַל־כֵּן הָיְתָה־ יד
חֶבְרוֹן לְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה הַקְּנִזִּי לְנַחֲלָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה יַעַן
אֲשֶׁר מִלֵּא אַחֲרֵי יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְשֵׁם חֶבְרוֹן לְפָנִים טו
קִרְיַת אַרְבַּע הָאָדָם הַגָּדוֹל בָּעֲנָקִים הוּא וְהָאָרֶץ שָׁקְטָה
מִמִּלְחָמָה׃

## טו

וַיְהִי הַגּוֹרָל לְמַטֵּה בְּנֵי יְהוּדָה לְמִשְׁפְּחֹתָם אֶל־גְּבוּל א
אֱדוֹם מִדְבַּר־צִן נֶגְבָּה מִקְצֵה תֵימָן׃ וַיְהִי לָהֶם גְּבוּל נֶגֶב ב
מִקְצֵה יָם הַמֶּלַח מִן־הַלָּשֹׁן הַפֹּנֶה נֶגְבָּה׃ וְיָצָא אֶל־ ג
מִנֶּגֶב לְמַעֲלֵה עַקְרַבִּים וְעָבַר צִנָה וְעָלָה מִנֶּגֶב לְקָדֵשׁ
בַּרְנֵעַ וְעָבַר חֶצְרוֹן וְעָלָה אַדָּרָה וְנָסַב הַקַּרְקָעָה׃ וְעָבַר ד
עַצְמוֹנָה וְיָצָא נַחַל מִצְרַיִם וְהָיָה תֹּצְאוֹת הַגְּבוּל יָמָּה
זֶה־יִהְיֶה לָכֶם גְּבוּל נֶגֶב׃ וּגְבוּל קֵדְמָה יָם הַמֶּלַח עַד־ ה
קְצֵה הַיַּרְדֵּן וּגְבוּל לִפְאַת צָפוֹנָה מִלְּשׁוֹן הַיָּם מִקְצֵה
הַיַּרְדֵּן׃ וְעָלָה הַגְּבוּל בֵּית חָגְלָה וְעָבַר מִצְּפוֹן לְבֵית ו
הָעֲרָבָה וְעָלָה הַגְּבוּל אֶבֶן בֹּהַן בֶּן־רְאוּבֵן׃ וְעָלָה הַגְּבוּל ז
דְּבִרָה מֵעֵמֶק עָכוֹר וְצָפוֹנָה פֹּנֶה אֶל־הַגִּלְגָּל אֲשֶׁר־נֹכַח
לְמַעֲלֵה אֲדֻמִּים אֲשֶׁר מִנֶּגֶב לַנָּחַל וְעָבַר הַגְּבוּל אֶל־מֵי
עֵין־שֶׁמֶשׁ וְהָיוּ תֹצְאֹתָיו אֶל־עֵין רֹגֵל׃ וְעָלָה הַגְּבוּל גֵּי ח
בֶן־הִנֹּם אֶל־כֶּתֶף הַיְבוּסִי מִנֶּגֶב הִיא יְרוּשָׁלִָם וְעָלָה
הַגְּבוּל אֶל־רֹאשׁ הָהָר אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי גֵי־הִנֹּם יָמָּה אֲשֶׁר
בִּקְצֵה עֵמֶק־רְפָאִים צָפוֹנָה׃ וְתָאַר הַגְּבוּל מֵרֹאשׁ הָהָר ט
אֶל־מַעְיַן מֵי נֶפְתּוֹחַ וְיָצָא אֶל־עָרֵי הַר־עֶפְרוֹן וְתָאַר הַגְּבוּל

דענסמאָל, אַזוי איז מײַן כּוח אַצונד פֿאַר מלחמה, און פֿאַר אַרויסגײן און אַרײַנגײן. [12] דרום גיב מיר אַצונד דעם דאָזיקן באַרג וואָס גאָט האָט צוגעזאָגט אין יענעם טאָג; וואָרום דו האָסט געהערט אין יענעם טאָג, אַז דאָרטן זײַנען דאָ ענָקים, און גרויסע באַפֿעסטיקטע שטעט; אפֿשר וועט גאָט זײַן מיט מיר, און איך וועל זײ פֿאַרטרײַבן, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט.

[13] האָט אים יהושע געבענטשט, און ער האָט געגעבן חֶברון צו כָּלֵב דעם זון פֿון יפֿונֶהן פֿאַר אַ נחלה. [14] דרום איז חֶברון געוואָרן כָּלֵב דעם זון פֿון יפֿונֶהן, דעם קְנִזי, פֿאַר אַ נחלה ביז אויף הײַנטיקן טאָג; ווײַל ער איז נאָכגעגאַנגען געטרײַ נאָך יהוה דעם גאָט פֿון ישׂראל. [15] און דער נאָמען פֿון חֶברון איז פֿריִער געווען די שטאָט פֿון אַרבַּעי[א]; ער איז געווען דער גרעסטער מענטש צווישן די ענָקים.

און דאָס לאַנד איז געווען רויִק פֿון מלחמה.

## טו

[1] און דער גורל פֿאַר דעם שבט פֿון די קינדער פֿון יהודה לויט זײערע משפּחות איז געווען ביז דעם געמאַרק פֿון אֱדום, דעם מדבר צִן צו דָרום, אין עק דָרום. [2] און דער געמאַרק פֿון דָרום איז זײ געווען פֿון עק ים־המֶלַח, פֿון דער ים־צונג וואָס קערט זיך צו דָרום. [3] און ער איז אַרויסגעגאַנגען צו דָרום פֿון דעם אַרויפֿגאַנג פֿון עַקרַבים, און איז אַריבער קײן צִן, און אַרויף צו דָרום פֿון קָדֵש־בַּרנֵעַ, און איז אַריבער חֶצרון, און אַרויף קײן אַדָר, און זיך אויסגעדרײט צו קַרקַע. [4] און ער איז אַריבער צו עַצמון, און איז אַרויס בײַם טײַך פֿון מִצרַיִם; און דער אויסלאָז פֿון דעם געמאַרק איז געווען בײַם ים; דאָס זאָל אײַך זײַן דער געמאַרק פֿון דָרום. [5] און דער געמאַרק צו מִזרח, דער ים־המֶלַח ביז צום עק יַרדֵן; און דער געמאַרק צו צפֿון־זײַט, פֿון דער ים־צונג בײַם עק יַרדֵן. [6] און דער געמאַרק איז אַרויפֿגעגאַנגען צו בֵית־חָגלָה, און איז אַריבער צו צפֿון פֿון בֵית־עֲרָבָה; און דער געמאַרק איז אַרויפֿגעגאַנגען צו דעם שטײן פֿון בֹּהַן דעם זון פֿון ראובן. [7] און דער געמאַרק איז אַרויפֿגעגאַנגען קײן דביר פֿון דעם טאָל עָכור, און האָט זיך געקערט צפֿון־צו קײן גִלגָל, וואָס אַקעגן דעם אויפֿגאַנג פֿון אֲדֻמים, וואָס דָרום־צו פֿון דעם טײַך; און דער געמאַרק איז אַריבער צו די וואַסערן פֿון עֵין־שֶמֶש, און זײַן אויסלאָז איז געווען בײַ עֵין־רוגֵל. [8] און דער געמאַרק איז אַרויפֿגעגאַנגען מיט דעם טאָל פֿון בֶּן־הִנום צום רוקן פֿון דעם יבוסי פֿון דָרום, דאָס איז ירושָלַיִם; און דער געמאַרק איז אַרויפֿגעגאַנגען צום שפּיץ באַרג וואָס פֿאַר דעם טאָל פֿון הִנום צו מערב, וואָס אין עק פֿון דעם טאָל רפָאים צו צפֿון. [9] און דער געמאַרק האָט זיך געצויגן פֿון שפּיץ באַרג צו דעם קוואַל פֿון די וואַסערן פֿון נֶפתּוחַ, און איז אַרויס צו די שטעט פֿון באַרג

טו, ד׳ הא ק

[א] קִרְיַת אַרבַּע.

י בַּעֲלָה הִיא קִרְיַת יְעָרִים׃ וְנָסַב הַגְּבוּל מִבַּעֲלָה יָמָּה
אֶל־הַר שֵׂעִיר וְעָבַר אֶל־כֶּתֶף הַר־יְעָרִים מִצָּפוֹנָה הִיא
יא כְסָלוֹן וְיָרַד בֵּית־שֶׁמֶשׁ וְעָבַר תִּמְנָה׃ וְיָצָא הַגְּבוּל אֶל־
כֶּתֶף עֶקְרוֹן צָפוֹנָה וְתָאַר הַגְּבוּל שִׁכְּרוֹנָה וְעָבַר הַר־
יב הַבַּעֲלָה וְיָצָא יַבְנְאֵל וְהָיוּ תֹּצְאוֹת הַגְּבוּל יָמָּה׃ וּגְבוּל
יָם הַיָּמָּה הַגָּדוֹל וּגְבוּל זֶה גְּבוּל בְּנֵי־יְהוּדָה סָבִיב
יג לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ וּלְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה נָתַן חֵלֶק בְּתוֹךְ בְּנֵי־
יְהוּדָה אֶל־פִּי יְהוָה לִיהוֹשֻׁעַ אֶת־קִרְיַת אַרְבַּע אֲבִי הָעֲנָק
יד הִיא חֶבְרוֹן׃ וַיֹּרֶשׁ מִשָּׁם כָּלֵב אֶת־שְׁלוֹשָׁה בְּנֵי הָעֲנָק
טו אֶת־שֵׁשַׁי וְאֶת־אֲחִימַן וְאֶת־תַּלְמַי יְלִידֵי הָעֲנָק׃ וַיַּעַל
מִשָּׁם אֶל־יֹשְׁבֵי דְּבִר וְשֵׁם־דְּבִר לְפָנִים קִרְיַת־סֵפֶר׃
טז וַיֹּאמֶר כָּלֵב אֲשֶׁר־יַכֶּה אֶת־קִרְיַת־סֵפֶר וּלְכָדָהּ וְנָתַתִּי לוֹ
יז אֶת־עַכְסָה בִתִּי לְאִשָּׁה׃ וַיִּלְכְּדָהּ עָתְנִיאֵל בֶּן־קְנַז אֲחִי
יח כָלֵב וַיִּתֶּן־לוֹ אֶת־עַכְסָה בִתּוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיְהִי בְּבוֹאָהּ
וַתְּסִיתֵהוּ לִשְׁאוֹל מֵאֵת־אָבִיהָ שָׂדֶה וַתִּצְנַח מֵעַל הַחֲמוֹר
יט וַיֹּאמֶר־לָהּ כָּלֵב מַה־לָּךְ׃ וַתֹּאמֶר תְּנָה־לִּי בְרָכָה כִּי
אֶרֶץ הַנֶּגֶב נְתַתָּנִי וְנָתַתָּה לִי גֻּלֹּת מָיִם וַיִּתֶּן־לָהּ אֵת גֻּלֹּת
כ עִלִּיּוֹת וְאֵת גֻּלֹּת תַּחְתִּיּוֹת׃ זֹאת נַחֲלַת מַטֵּה בְנֵי־
כא יְהוּדָה לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ וַיִּהְיוּ הֶעָרִים מִקְצֵה לְמַטֵּה בְנֵי־
יְהוּדָה אֶל־גְּבוּל אֱדוֹם בַּנֶּגְבָּה קַבְצְאֵל וְעֵדֶר וְיָגוּר׃
כב כג וְקִינָה וְדִימוֹנָה וְעַדְעָדָה׃ וְקֶדֶשׁ וְחָצוֹר וְיִתְנָן׃ זִיף וָטֶלֶם
כד כה וּבְעָלוֹת׃ וְחָצוֹר ׀ חֲדַתָּה וּקְרִיּוֹת חֶצְרוֹן הִיא חָצוֹר׃
כו כז אֲמָם וּשְׁמַע וּמוֹלָדָה׃ וַחֲצַר גַּדָּה וְחֶשְׁמוֹן וּבֵית פָּלֶט׃
כח כט וַחֲצַר שׁוּעָל וּבְאֵר שֶׁבַע וּבִזְיוֹתְיָה׃ בַּעֲלָה וְעִיִּים וָעֶצֶם׃
ל לא וְאֶלְתּוֹלַד וּכְסִיל וְחָרְמָה׃ וְצִקְלַג וּמַדְמַנָּה וְסַנְסַנָּה׃
לב וּלְבָאוֹת וְשִׁלְחִים וְעַיִן וְרִמּוֹן כָּל־עָרִים עֶשְׂרִים וָתֵשַׁע
לג לד וְחַצְרֵיהֶן׃ בַּשְּׁפֵלָה אֶשְׁתָּאוֹל וְצָרְעָה וְאַשְׁנָה׃ וְזָנוֹחַ
לה וְעֵין גַּנִּים תַּפּוּחַ וְהָעֵינָם׃ יַרְמוּת וַעֲדֻלָּם שׂוֹכֹה וַעֲזֵקָה׃

עֶפרון; און דער געמאַרק האָט זיך געצויגן ביז בַּעֲלָה, דאָס איז קִרְיַת־יְעָרִים. [10] און דער געמאַרק האָט זיך אויסגעדרייט פון בַּעֲלָה צו מערב, צום באַרג שֵׂעִיר, און איז אַריבער צו דעם רוקן פון באַרג יְעָרִים אין צפון–דאָס איז כְּסָלוֹן–און האָט אַראָפּגענידערט צו בֵּית־שֶׁמֶש, און איז אַריבער תִּמְנָה. [11] און דער געמאַרק איז אַריבערגעגאַנגען צו דעם רוקן פון עֶקרון צו צפון; און דער געמאַרק האָט זיך געצויגן קיין שִׁכּרון, און איז אַריבער צום באַרג פון בַּעֲלָה, און אַרויסגעגאַנגען צו יַבְנְאֵל; און דער אויסלאָז פון דעם געמאַרק איז געווען בײַם ים. [12] און דער געמאַרק פון מערב איז געווען דער יַם־הַגָּדול מיטן ברעג. דאָס איז דער געמאַרק פון די קינדער פון יהודה, רונד אַרום, לויט זייערע משפחות.

[13] און כָּלֵב דעם זון פון יפוּנֶהן האָט ער געגעבן אַ חלק צווישן די קינדער פון יהודה לויט דעם מויל פון גאָט צו יהושוען, די שטאָט פון אַרבַּע, דעם פאָטער פון עֲנָק–דאָס איז חֶברון. [14] און כָּלֵב האָט פאַרטריבן פון דאָרטן די דרײַ זין פון עֲנָק, שֵׁשַׁי, און אַחִימָן, און תַּלְמַי, די קינדער פון עֲנָק. [15] און ער איז אַרויפגעגאַנגען פון דאָרטן צו די באַוווינער פון דביר; און דער נאָמען פון דביר איז פריער געווען קִרְיַת־סֵפֶר. [16] און כָּלֵב האָט געזאָגט: ווער עס וועט שלאָגן קִרְיַת־סֵפֶר, און וועט זי באַצווינגען, וועל איך אים געבן מיין טאָכטער עַכְסָהן פאַר אַ ווייב. [17] האָט עָתניאֵל דער זון פון קְנַז, כָּלֵבס ברודער, זי באַצווונגען, און ער האָט אים געגעבן זיין טאָכטער עַכְסָהן פאַר אַ ווייב. [18] און עס איז געווען, אַז זי איז אָנגעקומען, האָט זי אים אָנגערעדט צו בעטן פון איר פאָטער אַ פעלד. און ווי זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון אייזל, אַזוי האָט כָּלֵב צו איר געזאָגט: וואָס איז דיר? [19] האָט זי געזאָגט: גיב מיר אַ מתנה; וואָרום אין אַ טרוקענעם לאַנד האָסטו מיך אויסגעגעבן; דרום זאָלסטו מיר געבן קוואַלן וואַסער. האָט ער איר געגעבן די אויבערשטע קוואַלן און די אונטערשטע קוואַלן.

[20] דאָס איז די נחלה פון דעם שבט פון די קינדער פון יהודה לויט זייערע משפחות.

[21] און די שטעט אין עק פון דעם שבט פון די קינדער פון יהודה, צום געמאַרק פון אֱדום אין דָרום, זיינען געווען קַבְצְאֵל, און עֵדֶר, און יָגוּר; [22] און קִינָה, און דימוֹנָה, און עַדְעָדָה; [23] און קֶדֶש, און חָצוֹר, און יִתְנָן; [24] זִיף, און טֶלֶם, און בְּעָלוֹת; [25] און חָצוֹר, חֲדַתָּה, און קריות־חֶצרון, דאָס איז חָצוֹר; [26] אֲמָם, און שְׁמַע, און מוֹלָדָה; [27] און חֲצַר־גַּדָּה, און חֶשמון, און בֵּית־פָּלֶט; [28] און חֲצַר־שׁוּעָל, און בְּאֵר־שֶׁבַע, און ביזיותיָה; [29] בַּעֲלָה, און עִיִּים, און עֶצֶם; [30] און אֶלְתּוֹלַד, און כּסיל, און חָרְמָה; [31] און צִיקְלַג, און מַדְמַנָּה, און סַנְסַנָּה; [32] און לְבָאוֹת, און שִׁלְחִים, און עַיִן, און רִמּוֹן. אַלע שטעט ניין און צוואַנציק, מיט זייערע דערפער.

[33] אין דער נידערונג: אֶשְׁתָּאוֹל, און צָרְעָה, און אַשְׁנָה; [34] און זָנוֹחַ, און עֵין־גַּנִּים, תַּפּוּחַ, און עֵינָם; [35] יַרְמוּת, און עֲדֻלָּם,

לו וְשַׁעֲרַיִם וַעֲדִיתַיִם וְהַגְּדֵרָה וּגְדֵרֹתָיִם עָרִים אַרְבַּע־עֶשְׂרֵה
לז לח וְחַצְרֵיהֶן׃ צְנָן וַחֲדָשָׁה וּמִגְדַּל־גָּד׃ וְדִלְעָן וְהַמִּצְפֶּה
לט מ וְיָקְתְאֵל׃ לָכִישׁ וּבָצְקַת וְעֶגְלוֹן׃ וְכַבּוֹן וְלַחְמָס וְכִתְלִישׁ׃
מא וּגְדֵרוֹת בֵּית־דָּגוֹן וְנַעֲמָה וּמַקֵּדָה עָרִים שֵׁשׁ־עֶשְׂרֵה
מב מג וְחַצְרֵיהֶן׃ לִבְנָה וָעֶתֶר וְעָשָׁן׃ וְיִפְתָּח וְאַשְׁנָה וּנְצִיב׃
מד וּקְעִילָה וְאַכְזִיב וּמָרֵאשָׁה עָרִים תֵּשַׁע וְחַצְרֵיהֶן׃
מה מו עֶקְרוֹן וּבְנֹתֶיהָ וַחֲצֵרֶיהָ׃ מֵעֶקְרוֹן וָיָמָּה כֹּל אֲשֶׁר־עַל־
מז יַד אַשְׁדּוֹד וְחַצְרֵיהֶן׃ אַשְׁדּוֹד בְּנוֹתֶיהָ וַחֲצֵרֶיהָ עַזָּה
בְּנוֹתֶיהָ וַחֲצֵרֶיהָ עַד־נַחַל מִצְרָיִם וְהַיָּם הַגָּבוֹל וּגְבוּל׃
מח מט וּבָהָר שָׁמִיר וְיַתִּיר וְשׂוֹכֹה׃ וְדַנָּה וְקִרְיַת־סַנָּה הִיא דְבִר׃
נ נא וַעֲנָב וְאֶשְׁתְּמֹה וְעָנִים׃ וְגֹשֶׁן וְחֹלֹן וְגִלֹה עָרִים אַחַת־
נב נג עֶשְׂרֵה וְחַצְרֵיהֶן׃ אֲרַב וְרוּמָה וְאֶשְׁעָן׃ וְיָנִים וּבֵית־
נד תַּפּוּחַ וַאֲפֵקָה׃ וְחֻמְטָה וְקִרְיַת אַרְבַּע הִיא חֶבְרוֹן וְצִיעֹר
נה עָרִים תֵּשַׁע וְחַצְרֵיהֶן׃ מָעוֹן ׀ כַּרְמֶל וָזִיף וְיוּטָּה׃
נו נז וְיִזְרְעֶאל וְיָקְדְעָם וְזָנוֹחַ׃ הַקַּיִן גִּבְעָה וְתִמְנָה עָרִים עֶשֶׂר
נח נט וְחַצְרֵיהֶן׃ חַלְחוּל בֵּית־צוּר וּגְדוֹר׃ וּמַעֲרָת וּבֵית־
ס עֲנוֹת וְאֶלְתְּקֹן עָרִים שֵׁשׁ וְחַצְרֵיהֶן׃ קִרְיַת־בַּעַל הִיא
סא קִרְיַת יְעָרִים וְהָרַבָּה עָרִים שְׁתַּיִם וְחַצְרֵיהֶן׃ בַּמִּדְבָּר
סב בֵּית הָעֲרָבָה מִדִּין וּסְכָכָה׃ וְהַנִּבְשָׁן וְעִיר־הַמֶּלַח וְעֵין גֶּדִי
סג עָרִים שֵׁשׁ וְחַצְרֵיהֶן׃ וְאֶת־הַיְבוּסִי יוֹשְׁבֵי יְרוּשָׁלִַם לֹא־
יָכְלוּ בְנֵי־יְהוּדָה לְהוֹרִישָׁם וַיֵּשֶׁב הַיְבוּסִי אֶת־בְּנֵי יְהוּדָה
בִּירוּשָׁלִַם עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃

טז

א וַיֵּצֵא הַגּוֹרָל לִבְנֵי יוֹסֵף מִיַּרְדֵּן יְרִיחוֹ לְמֵי יְרִיחוֹ מִזְרָחָה
ב הַמִּדְבָּר עֹלֶה מִירִיחוֹ בָּהָר בֵּית־אֵל׃ וְיָצָא מִבֵּית־אֵל
ג לוּזָה וְעָבַר אֶל־גְּבוּל הָאַרְכִּי עֲטָרוֹת׃ וְיָרַד יָמָּה אֶל־
גְּבוּל הַיַּפְלֵטִי עַד־גְּבוּל בֵּית־חֹרֹן תַּחְתּוֹן וְעַד־גֶּזֶר וְהָיוּ

---

טו, מז׳ הגדול ק   מח׳ בה״א   נב׳ כ״א ורומה   נג׳ וינם ק   סג׳ יתיר ר

שׂוֹכוֹ, און עֲזֵקָה; [36] און שַׁעֲרַיִם, און עֲדִיתַיִם, און גְדֵרָה, און גְדֵרוֹתַיִם. פערצן שטעט מיט זייערע דערפער.

[37] צְנָן, און חֲדָשָׁה, און מִגְדַל־גָד; [38] און דִלְעָן, און מִצְפֶּה, און יָקְתְאֵל; [39] לָכִישׁ, און בָּצְקַת, און עֶגלוֹן; [40] און כַּבּוֹן, און לַחְמָס, און כִּתְלִישׁ; [41] און גְדֵרוֹת, בֵּית־דָגוֹן, און נַעֲמָה, און מַקֵדָה. זעכצן שטעט מיט זייערע דערפער.

[42] לִבְנָה, און עֶתֶר, און עָשָׁן; [43] און יִפְתָּח, און אַשְׁנָה, און נציב; [44] און קְעִילָה, און אַכזיב, און מָרֵאשָׁה. ניין שטעט מיט זייערע דערפער.

[45] עֶקרוֹן מיט אירע טעכטערשטעט און אירע דערפער; [46] פון עֶקרוֹן ביז צום ים, אַלע וואָס לעבן אַשדוֹד, מיט זייערע דערפער.

[47] אַשדוֹד, אירע טעכטערשטעט, און אירע דערפער; עַזָה, אירע טעכטערשטעט, און אירע דערפער; ביז דעם טייך פון מִצרַיִם, און דעם יַם־הַגָדול מיטן ברעג.

[48] און אין דעם געבערג: שָׁמִיר, און יַתִּיר, און שׂוֹכוֹ; [49] און דַנָה, און קִרְיַת־סַנָה, דאָס איז דביר; [50] און עֲנָב, און אֶשׁתמֹה, און עָנִים; [51] און גוֹשֶׁן, און חולון, און גִילֹה. עלף שטעט מיט זייערע דערפער.

[52] אֲרָב, און דוּמָה, און אֶשעָן; [53] און יָנוּם, און בֵּית־תַּפּוּחַ, און אֲפֵקָה; [54] און חוּמטָה, און קִרְיַת־אַרבַּע–דאָס איז חֶברוֹן–און ציעוֹר. ניין שטעט מיט זייערע דערפער.

[55] מָעוֹן, כַּרמֶל, און זיף, און יוּטָה; [56] און יִזרְעֶאל, און יָקְדְעָם, און זָנוֹחַ; [57] קַיִן, גִבעָה, און תִּמְנָה. צען שטעט מיט זייערע דערפער.

[58] חַלחוּל, בֵּית־צוּר, און גדוֹר; [59] און מַעֲרָת, און בֵּית־עֲנוֹת, און אֶלתקוֹן. זעקס שטעט מיט זייערע דערפער.

[60] קִרְיַת־בַּעַל–דאָס איז קִרְיַת־יְעָרִים–און רַבָּה. צוויי שטעט מיט זייערע דערפער.

[61] אין מדבר: בֵּית־עֲרָבָה, מִדִין, און סְכָכָה; [62] און נִבשָׁן, און די זאַלצשטאָט, און עֵין־גֶדִי. זעקס שטעט מיט זייערע דערפער.

[63] אָבער דעם יבוּסי, די באַוווינער פון ירושָׁלַיִם, זיי, האָבן די קינדער פון ישׂראל ניט געקענט פאַרטרייבן, און דער יבוּסי איז געבליבן זיצן מיט די קינדער פון יהודה אין ירושָׁלַיִם ביז אויף היינטיקן טאָג.

טז [1] און דער גוֹרל פון די קינדער פון יוסף איז אַרויסגעגאַנגען פון יַרדן ביי יריחו, צו די וואַסערן פון יריחו, קיין מזרח, אַרויפגייענדיק פון יריחו צום מדבר איבער דעם געבערג, צו בֵּית־אֵל. [2] און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון בֵּית־אֵל־לוּז, און איז אַריבער צום געמאַרק פון דעם אַרכִּי, עֲטָרוֹת. [3] און ער האָט אַראָפּגענידערט צו מערב, צום געמאַרק פון דעם יַפלֵטִי, ביז דעם געמאַרק פון דער אונטערשטער בֵּית־חוֹרוֹן, און ביז גֶזֶר; און זיין אויסלאָז איז געווען ביים ים.

[4] און די קינדער פון יוסף, מנשה און אפרים, האָבן געקריגן זייער נחלה. [5] און דאָס איז געווען דער געמאַרק פון די קינדער פון אפרים לויט זייערע משפחות: דער געמאַרק פון זייער נחלה צו מזרח איז געווען עַטרות־אַדָר, ביז דער אויבערשטער בֵּית־חורון. [6] און דער געמאַרק איז אַרויסגעגאַנגען צו מערב, מיט מִכמתָת פון צפון, און דער געמאַרק האָט זיך אויסגעדרייט צו מזרח, צו תַאֲנַת־שִילו, און איז עס פאַרבייגעגאַנגען פון מזרח, צו יָנוחַ. [7] און ער האָט אַראָפּגענידערט פון יָנוחַ קיין עֲטָרות, און קיין נַעֲרָה, און האָט זיך אָנגעשטויסן אָן יריחו, און זיך אויסגעלאָזט ביים יַרדן. [8] פון תַפּוחַ איז דער געמאַרק געגאַנגען צו מערב, צום טייך קָנָה, און זיין אויסלאָז איז געווען ביים ים. דאָס איז די נחלה פון דעם שבט פון די קינדער פון אפרים לויט זייערע משפחות; [9] דערצו די שטעט וואָס זיינען אָפּגעשיידט געוואָרן פאַר די קינדער פון אפרים אין מיטן פון דער נחלה פון די קינדער פון מנשה, אַלע שטעט מיט זייערע דערפער. [10] און זיי האָבן ניט פאַרטריבן דעם כּנַעֲני וואָס איז געזעסן אין גֶזֶר; און דער כּנַעֲני איז געבליבן זיצן צווישן אפרים ביז אויף היינטיקן טאָג, און איז געוואָרן צום צינזקנעכט.

יז [1] און דאָס איז געווען דער גורל פאַר שבט מנשה; וואָרום ער איז געווען יוספס בכור. פאַר מָכיר דעם בכור פון מנשהן, דעם פאָטער פון גִלעָד, ווייל ער איז געווען אַ מאַן פון מלחמה, פאַר אים איז געווען גִלעָד, און בָשָן. [2] און דאָס איז געווען פאַר די איבעריקע קינדער פון מנשה לויט זייערע משפחות; פאַר די קינדער פון אֲביעֶזֶר, און פאַר די קינדער פון חֵלֶק, און פאַר די קינדער פון אַשׂריאֵל, און פאַר די קינדער פון שֶכֶם, און פאַר די קינדער פון חֵפֶר, און פאַר די קינדער פון שמידָע. דאָס זיינען די קינדער פון מנשה דעם זון פון יוספן, די מאַנספאַרשוינען, לויט זייערע משפחות.

[3] און צלָפחָד דער זון פון חֵפֶר, דעם זון פון גִלעָד, דעם זון פון מָכיר, דעם זון פון מנשהן, האָט ניט געהאַט קיין זין נאָר בלויז טעכטער; און דאָס זיינען די נעמען פון זיינע טעכטער: מַחלָה, און נוֹעָה, חָגלָה, מִלכָּה, און תִרצָה. [4] האָבן זיי גענענט פאַר אֶלעָזָר דעם כֹהן, און פאַר יהושע דעם זון פון נון, און פאַר די פירשטן, אַזוי צו זאָגן: גאָט האָט באַפוילן משהן, אונדז צו געבן אַ נחלה צווישן אונדזערע ברידער. האָט ער זיי געגעבן לויט דעם מויל פון גאָט אַ נחלה צווישן די ברידער פון זייער פאָטער. [5] און צען טיילן זיינען געפאַלן אויף מנשה, אַחוץ דאָס לאַנד גִלעָד, און בָשָן, וואָס פון יענער זייט יַרדן; [6] ווייל די טעכטער פון מנשה האָבן געקריגן אַ נחלה צווישן זיינע זין. און דאָס לאַנד גִלעָד איז געווען פאַר די איבעריקע קינדער פון מנשה.

[7] און דער געמאַרק פון מנשה איז געווען פון אָשר ביז מִכמתָת וואָס פאַר שכֶם; און דער געמאַרק איז

ד ה תֹּצְאֹתָו יָמָּה: וַיִּנְחֲלוּ בְנֵי־יוֹסֵף מְנַשֶּׁה וְאֶפְרָיִם: וַיְהִי
גְּבוּל בְּנֵי־אֶפְרַיִם לְמִשְׁפְּחֹתָם וַיְהִי גְּבוּל נַחֲלָתָם מִזְרָחָה
ו עַטְרוֹת אַדָּר עַד־בֵּית חוֹרֹן עֶלְיוֹן: וְיָצָא הַגְּבוּל הַיָּמָּה
הַמִּכְמְתָת מִצָּפוֹן וְנָסַב הַגְּבוּל מִזְרָחָה תַּאֲנַת שִׁלֹה וְעָבַר
ז אוֹתוֹ מִמִּזְרַח יָנוֹחָה: וְיָרַד מִיָּנוֹחָה עֲטָרוֹת וְנַעֲרָתָה וּפָגַע
ח בִּירִיחוֹ וְיָצָא הַיַּרְדֵּן: מִתַּפּוּחַ יֵלֵךְ הַגְּבוּל יָמָּה נַחַל קָנָה
וְהָיוּ תֹצְאֹתָיו הַיָּמָּה זֹאת נַחֲלַת מַטֵּה בְנֵי־אֶפְרַיִם
ט לְמִשְׁפְּחֹתָם: וְהֶעָרִים הַמִּבְדָּלוֹת לִבְנֵי אֶפְרַיִם בְּתוֹךְ
י נַחֲלַת בְּנֵי־מְנַשֶּׁה כָּל־הֶעָרִים וְחַצְרֵיהֶן: וְלֹא הוֹרִישׁוּ אֶת־
הַכְּנַעֲנִי הַיּוֹשֵׁב בְּגָזֶר וַיֵּשֶׁב הַכְּנַעֲנִי בְּקֶרֶב אֶפְרַיִם עַד־
הַיּוֹם הַזֶּה וַיְהִי לְמַס־עֹבֵד:

יז

א וַיְהִי הַגּוֹרָל לְמַטֵּה מְנַשֶּׁה כִּי־הוּא בְּכוֹר יוֹסֵף לְמָכִיר
בְּכוֹר מְנַשֶּׁה אֲבִי הַגִּלְעָד כִּי הוּא הָיָה אִישׁ מִלְחָמָה
ב וַיְהִי־לוֹ הַגִּלְעָד וְהַבָּשָׁן: וַיְהִי לִבְנֵי מְנַשֶּׁה הַנּוֹתָרִים
לְמִשְׁפְּחֹתָם לִבְנֵי אֲבִיעֶזֶר וְלִבְנֵי־חֵלֶק וְלִבְנֵי אַשְׂרִיאֵל
וְלִבְנֵי־שֶׁכֶם וְלִבְנֵי־חֵפֶר וְלִבְנֵי שְׁמִידָע אֵלֶּה בְּנֵי מְנַשֶּׁה
ג בֶּן־יוֹסֵף הַזְּכָרִים לְמִשְׁפְּחֹתָם: וְלִצְלָפְחָד בֶּן־חֵפֶר בֶּן־
גִּלְעָד בֶּן־מָכִיר בֶּן־מְנַשֶּׁה לֹא־הָיוּ לוֹ בָּנִים כִּי אִם־בָּנוֹת
וְאֵלֶּה שְׁמוֹת בְּנֹתָיו מַחְלָה וְנֹעָה חָגְלָה מִלְכָּה וְתִרְצָה:
ד וַתִּקְרַבְנָה לִפְנֵי אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וְלִפְנֵי ׀ יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן וְלִפְנֵי
הַנְּשִׂיאִים לֵאמֹר יְהוָה צִוָּה אֶת־מֹשֶׁה לָתֶת־לָנוּ נַחֲלָה
בְּתוֹךְ אַחֵינוּ וַיִּתֵּן לָהֶם אֶל־פִּי יְהוָה נַחֲלָה בְּתוֹךְ אֲחֵי
ה אֲבִיהֶן: וַיִּפְּלוּ חַבְלֵי־מְנַשֶּׁה עֲשָׂרָה לְבַד מֵאֶרֶץ הַגִּלְעָד
ו וְהַבָּשָׁן אֲשֶׁר מֵעֵבֶר לַיַּרְדֵּן: כִּי בְּנוֹת מְנַשֶּׁה נָחֲלוּ נַחֲלָה
בְּתוֹךְ בָּנָיו וְאֶרֶץ הַגִּלְעָד הָיְתָה לִבְנֵי־מְנַשֶּׁה הַנּוֹתָרִים:
ז וַיְהִי גְבוּל־מְנַשֶּׁה מֵאָשֵׁר הַמִּכְמְתָת אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי שְׁכֶם

---

טז, ג׳ תוצאתו ק

וְהָלַךְ הַגְּבוּל אֶל־הַיָּמִין אֶל־יֹשְׁבֵי עֵין תַּפּוּחַ׃ לִמְנַשֶּׁה ח
הָיְתָה אֶרֶץ תַּפּוּחַ וְתַפּוּחַ אֶל־גְּבוּל מְנַשֶּׁה לִבְנֵי אֶפְרָיִם׃
וְיָרַד הַגְּבוּל נַחַל קָנָה נֶגְבָּה לַנַּחַל עָרִים הָאֵלֶּה לְאֶפְרַיִם ט
בְּתוֹךְ עָרֵי מְנַשֶּׁה וּגְבוּל מְנַשֶּׁה מִצְּפוֹן לַנַּחַל וַיְהִי תֹצְאֹתָיו
הַיָּמָּה׃ נֶגְבָּה לְאֶפְרַיִם וְצָפוֹנָה לִמְנַשֶּׁה וַיְהִי הַיָּם גְּבוּלוֹ י
וּבְאָשֵׁר יִפְגְּעוּן מִצָּפוֹן וּבְיִשָּׂשכָר מִמִּזְרָח׃ וַיְהִי לִמְנַשֶּׁה יא
בְּיִשָּׂשכָר וּבְאָשֵׁר בֵּית־שְׁאָן וּבְנוֹתֶיהָ וְיִבְלְעָם וּבְנוֹתֶיהָ
וְאֶת־יֹשְׁבֵי דֹאר וּבְנוֹתֶיהָ וְיֹשְׁבֵי עֵין־דֹּר וּבְנֹתֶיהָ וְיֹשְׁבֵי
תַעְנַךְ וּבְנֹתֶיהָ וְיֹשְׁבֵי מְגִדּוֹ וּבְנוֹתֶיהָ שְׁלֹשֶׁת הַנָּפֶת׃
וְלֹא יָכְלוּ בְּנֵי מְנַשֶּׁה לְהוֹרִישׁ אֶת־הֶעָרִים הָאֵלֶּה וַיּוֹאֶל יב
הַכְּנַעֲנִי לָשֶׁבֶת בָּאָרֶץ הַזֹּאת׃ וַיְהִי כִּי חָזְקוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל יג
וַיִּתְּנוּ אֶת־הַכְּנַעֲנִי לָמַס וְהוֹרֵשׁ לֹא הוֹרִישׁוֹ׃ וַיְדַבְּרוּ יד
בְּנֵי יוֹסֵף אֶת־יְהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר מַדּוּעַ נָתַתָּה לִּי נַחֲלָה גּוֹרָל
אֶחָד וְחֶבֶל אֶחָד וַאֲנִי עַם רָב עַד אֲשֶׁר־עַד־כֹּה בֵּרְכַנִי
יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם יְהוֹשֻׁעַ אִם־עַם־רַב אַתָּה עֲלֵה טו
לְךָ הַיַּעְרָה וּבֵרֵאתָ לְךָ שָׁם בְּאֶרֶץ הַפְּרִזִּי וְהָרְפָאִים
כִּי־אָץ לְךָ הַר־אֶפְרָיִם׃ וַיֹּאמְרוּ בְּנֵי יוֹסֵף לֹא־יִמָּצֵא לָנוּ טז
הָהָר וְרֶכֶב בַּרְזֶל בְּכָל־הַכְּנַעֲנִי הַיֹּשֵׁב בְּאֶרֶץ־הָעֵמֶק
לַאֲשֶׁר בְּבֵית־שְׁאָן וּבְנוֹתֶיהָ וְלַאֲשֶׁר בְּעֵמֶק יִזְרְעֶאל׃
וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־בֵּית יוֹסֵף לְאֶפְרַיִם וְלִמְנַשֶּׁה לֵאמֹר יז
עַם־רַב אַתָּה וְכֹחַ גָּדוֹל לָךְ לֹא־יִהְיֶה לְךָ גּוֹרָל אֶחָד׃
כִּי הַר יִהְיֶה־לָּךְ כִּי־יַעַר הוּא וּבֵרֵאתוֹ וְהָיָה לְךָ תֹּצְאֹתָיו יח
כִּי־תוֹרִישׁ אֶת־הַכְּנַעֲנִי כִּי רֶכֶב בַּרְזֶל לוֹ כִּי חָזָק הוּא׃

יח

וַיִּקָּהֲלוּ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שִׁלֹה וַיַּשְׁכִּינוּ שָׁם אֶת־ א
אֹהֶל מוֹעֵד וְהָאָרֶץ נִכְבְּשָׁה לִפְנֵיהֶם׃ וַיִּוָּתְרוּ בִּבְנֵי ב
יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר לֹא־חָלְקוּ אֶת־נַחֲלָתָם שִׁבְעָה שְׁבָטִים׃

---

יז, יג׳ פתח באתנח   יד׳ כ״א אל   קמץ בז״ק

געגאַנגען רעכטס צו די באַוווינער פון עֵין־תַּפּוּחַ—[8] צו מנשה האָט געהערט דאָס לאַנד פון תַּפּוּחַ; אָבער תַּפּוּחַ ביים געמאַרק פון מנשה האָט געהערט צו די קינדער פון אפרים—[9] און דער געמאַרק האָט אַראָפּגענידערט צום טייך קָנָה, צו דָרום פון טייך, פאַרביי יענע שטעט וואָס האָבן געהערט צו אפרים אין מיטן פון די שטעט פון מנשה. און דער געמאַרק פון מנשה איז געווען אין צפון פון טייך, און זיין אויסלאָז איז געווען ביים ים. [10] צו דָרום איז געווען אפרימס, און צו צפון מנשהס; און דער ים איז געווען זיין געמאַרק. און זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אָן אָשר אין צפון, און אָן יִששָׂכָר אין מזרח. [11] און צו מנשה האָבן געהערט אין יִששָׂכָר, און אין אָשר, בֵּית־שְׁאָן און אירע טעכטערשטעט, און יִבלְעָם און אירע טעכטערשטעט, און די באַוווינער פון דור און אירע טעכטערשטעט, און די באַוווינער פון עֵין־דור און אירע טעכטערשטעט, און די באַוווינער פון תַּעֲנָך און אירע טעכטערשטעט, און די באַוווינער פון מגדו און אירע טעכטערשטעט—די דריי געגנטן. [12] אָבער די קינדער פון מנשה האָבן ניט געקענט פאַרטרייבן דידאָזיקע שטעט, ווייל דער כּנַעֲנִי איז באַשטאַנען צו בלייבן זיצן אין דעמדאָזיקן לאַנד. [13] און עס איז געווען, אַז די קינדער פון ישראל זיינען געוואָרן שטאַרקער, האָבן זיי געמאַכט דעם כּנַעֲנִי צו צינז, אָבער פאַרטרייבן האָבן זיי אים ניט פאַרטריבן.

[14] און די קינדער פון יוסף האָבן גערעדט צו יהושוען, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס גיסטו מיר פאַר אַ נחלה איין גורל און איין חלק, ווען איך בין פיל פאָלק, ווייל גאָט האָט מיך אַזוי געבענטשט? [15] האָט יהושעַ צו זיי געזאָגט: אויב דו ביסט פיל פאָלק, גיי דיר אַרויף צום וואַלד, און וועסט דיר אויסהאַקן פון דאָרטן, אין לאַנד פון דעם פּרִזִי און די רפָאים, אויב דיר איז ענג דאָס געבערג פון אפרים. [16] האָבן די קינדער פון יוסף געזאָגט: אונדז וועט ניט קלעקן דאָס געבערג; און אַייזערנע רייטוועגן זיינען דאָ ביי אַלע כּנַעֲנים וואָס זיצן אין לאַנד פון טאָל, ביי די וואָס אין בֵּית־שְאָן און אירע טעכטערשטעט, און ביי די וואָס אין טאָל יִזְרְעֶאל. [17] האָט יהושעַ געזאָגט צום הויז פון יוסף, צו אפרים און צו מנשה, אַזוי צו זאָגן: פיל פאָלק ביסטו און גרויס כּוח האָסטו; וועסט האָבן ניט איין גורל, [18] נייערט דאָס געבערג וועט געהערן צו דיר; ווי עס איז וואַלד, וועסטו עס אויסהאַקן, און צו דיר וועט געהערן וואָס וועט אַרויסקומען דערפון; וואָרום וועסט פאַרטרייבן דעם כּנַעֲנִי, ווי ער האָט אַייזערנע רייטוועגן, ווי ער איז שטאַרק.

יח [1] און די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישראל האָט זיך אַיינגעזאַמלט אין שילו, און זיי האָבן דאָרטן אויפגעשטעלט דעם אוהל־מועד; און דאָס לאַנד איז געלעגן באַצוווּנגען פאַר זיי. [2] אָבער עס זיינען נאָך געבליבן צווישן די קינדער פון ישראל די וואָס האָבן ניט געקריגן אַיינגעטיילט זייער נחלה, זיבן שבטים. [3] האָט

יהושע געזאָגט צו די קינדער פון ישראל: ביז וואַנען וועט איר זיך פוילן צו גיין אַרבן דאָס לאַנד וואָס יהוה דער גאָט פון אייערע עלטערן האָט אייך געגעבן? [4] קריגט אייך דריי מאַן פון אַ שבט, און איך וועל זיי שיקן, און זיי זאָלן אויפשטיין און אַרומגיין אין לאַנד, און זיי זאָלן עס פאַרשרייבן לויט זייער נחלה, און קומען צו מיר. [5] און זיי זאָלן זיך עס צעטיילן אין זיבן חלקים: יהודה זאָל בלייבן בײַ זײַן געמאַרק אין דרום, און דאָס הויז פון יוסף זאָלן בלײַבן בײַ זייער געמאַרק אין צפון. [6] און איר זאָלט פאַרשרײַבן דאָס לאַנד אין זיבן חלקים, און ברענגען צו מיר אַהער, און איך וועל אײַך וואַרפן גורל דאָ פאַר יהוה אונדזער גאָט. [7] וואָרום די לוִיִים האָבן ניט קיין חלק צווישן אײַך, ווײַל די כהונה פון גאָט איז זייער נחלה; און גד, און ראובן, און דער האַלבער שבט מנשה, האָבן גענומען זייער נחלה פון יענער זײַט יַרדן צו מזרח, וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט זיי געגעבן.

[8] זײַנען אויפגעשטאַנען די מענער און זיי זײַנען געגאַנגען; און יהושע האָט באַפוילן די וואָס זײַנען געגאַנגען פאַרשרײַבן דאָס לאַנד, אַזוי צו זאָגן: גייט, און וואַנדערט אַרום אין לאַנד, און פאַרשרײַבט עס, און קערט זיך אום צו מיר, און איך וועל אײַך דאָ וואַרפן גורל פאַר גאָט אין שילו. [9] און די מענער זײַנען געגאַנגען, און האָבן דורכגעצויגן דורכן לאַנד, און האָבן עס פאַרשריבן לויט די שטעט, אין זיבן חלקים, אין אַ בוך, און זיי זײַנען געקומען צו יהושוען אין לאַגער קיין שילו. [10] און יהושע האָט זיי געוואָרפן גורל אין שילו פאַר גאָט, און יהושע האָט דאָרטן צעטיילט דאָס לאַנד צו די קינדער פון ישראל לויט זייערע אײַנטיילונגען.

[11] איז אַרויפגעקומען דער גורל פון דעם שבט פון די קינדער פון בנימין לויט זייערע משפחות; און דער געמאַרק פון זייער גורל איז אויסגעקומען צווישן די קינדער פון יהודה און צווישן די קינדער פון יוסף. [12] און דער געמאַרק צו צפון־זײַט איז זיי געווען פון יַרדן; און דער געמאַרק איז אַרויפגעגאַנגען צום רוקן פון יריחו אין צפון, און איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג צו מערב; און זײַן אויסלאָז איז געווען בײַם מדבר פון בית־אָוֶן. [13] און דער געמאַרק איז אַריבער פון דאָרטן צו לוז, צום רוקן פון לוז—דאָס איז בית־אל—צו דָרום; און דער געמאַרק האָט אַראָפּגענידערט צו עַטרות־אַדָר בײַם באַרג וואָס צו דָרום פון דער אונטערשטער בית־חורון. [14] און דער געמאַרק האָט זיך געצויגן, און זיך אויסגעדרייט צו מערב־זײַט, צו דָרום פון דעם באַרג וואָס פאַר בית־חורון צו דָרום; און זײַן אויסלאָז איז געווען בײַ קִריַת־בַּעַל—דאָס איז קִריַת־יְעָרים—אַ שטאָט פון די קינדער פון יהודה. דאָס איז די מערב־זײַט. [15] און די דָרום־זײַט

ג וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל עַד־אָנָה אַתֶּם מִתְרַפִּים
לָבוֹא לָרֶשֶׁת אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם יְהוָה אֱלֹהֵי
ד אֲבוֹתֵיכֶם׃ הָבוּ לָכֶם שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים לַשָּׁבֶט וְאֶשְׁלָחֵם
וְיָקֻמוּ וְיִתְהַלְּכוּ בָאָרֶץ וְיִכְתְּבוּ אוֹתָהּ לְפִי נַחֲלָתָם וְיָבֹאוּ
ה אֵלָי׃ וְהִתְחַלְּקוּ אֹתָהּ לְשִׁבְעָה חֲלָקִים יְהוּדָה יַעֲמֹד
עַל־גְּבוּלוֹ מִנֶּגֶב וּבֵית יוֹסֵף יַעַמְדוּ עַל־גְּבוּלָם מִצָּפוֹן׃
ו וְאַתֶּם תִּכְתְּבוּ אֶת־הָאָרֶץ שִׁבְעָה חֲלָקִים וַהֲבֵאתֶם אֵלַי
ז הֵנָּה וְיָרִיתִי לָכֶם גּוֹרָל פֹּה לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵינוּ׃ כִּי אֵין
חֵלֶק לַלְוִיִּם בְּקִרְבְּכֶם כִּי־כְהֻנַּת יְהוָה נַחֲלָתוֹ וְגָד וּרְאוּבֵן
וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה לָקְחוּ נַחֲלָתָם מֵעֵבֶר לַיַּרְדֵּן מִזְרָחָה
ח אֲשֶׁר נָתַן לָהֶם מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה׃ וַיָּקֻמוּ הָאֲנָשִׁים וַיֵּלֵכוּ
וַיְצַו יְהוֹשֻׁעַ אֶת־הַהֹלְכִים לִכְתֹּב אֶת־הָאָרֶץ לֵאמֹר לְכוּ
וְהִתְהַלְּכוּ בָאָרֶץ וְכִתְבוּ אוֹתָהּ וְשׁוּבוּ אֵלַי וּפֹה אַשְׁלִיךְ
ט לָכֶם גּוֹרָל לִפְנֵי יְהוָה בְּשִׁלֹה׃ וַיֵּלְכוּ הָאֲנָשִׁים וַיַּעַבְרוּ
בָאָרֶץ וַיִּכְתְּבוּהָ לֶעָרִים לְשִׁבְעָה חֲלָקִים עַל־סֵפֶר וַיָּבֹאוּ
י אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הַמַּחֲנֶה שִׁלֹה׃ וַיַּשְׁלֵךְ לָהֶם יְהוֹשֻׁעַ גּוֹרָל
בְּשִׁלֹה לִפְנֵי יְהוָה וַיְחַלֶּק־שָׁם יְהוֹשֻׁעַ אֶת־הָאָרֶץ לִבְנֵי
יא יִשְׂרָאֵל כְּמַחְלְקֹתָם׃ וַיַּעַל גּוֹרַל מַטֵּה בְנֵי־בִנְיָמִן
לְמִשְׁפְּחֹתָם וַיֵּצֵא גְּבוּל גּוֹרָלָם בֵּין בְּנֵי יְהוּדָה וּבֵין בְּנֵי
יב יוֹסֵף׃ וַיְהִי לָהֶם הַגְּבוּל לִפְאַת צָפוֹנָה מִן־הַיַּרְדֵּן וְעָלָה
הַגְּבוּל אֶל־כֶּתֶף יְרִיחוֹ מִצָּפוֹן וְעָלָה בָהָר יָמָּה וְהָיָה
יג תֹּצְאֹתָיו מִדְבְּרָה בֵּית אָוֶן׃ וְעָבַר מִשָּׁם הַגְּבוּל לוּזָה
אֶל־כֶּתֶף לוּזָה נֶגְבָּה הִיא בֵּית־אֵל וְיָרַד הַגְּבוּל עַטְרוֹת
יד אַדָּר עַל־הָהָר אֲשֶׁר מִנֶּגֶב לְבֵית־חֹרוֹן תַּחְתּוֹן׃ וְתָאַר
הַגְּבוּל וְנָסַב לִפְאַת־יָם נֶגְבָּה מִן־הָהָר אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי
בֵית־חֹרוֹן נֶגְבָּה וְהָיָה תֹצְאֹתָיו אֶל־קִרְיַת־בַּעַל הִיא
טו קִרְיַת יְעָרִים עִיר בְּנֵי יְהוּדָה זֹאת פְּאַת־יָם׃ וּפְאַת־נֶגְבָּה

יב׳ והיו קרי   יד׳ והיו קי   למדנחאי על

מִקְצֵה קִרְיַת יְעָרִים וְיָצָא הַגְּבוּל יָמָּה וְיָצָא אֶל־מַעְיַן מֵי
נֶפְתּוֹחַ׃ וְיָרַד הַגְּבוּל אֶל־קְצֵה הָהָר אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי גֵּי טז
בֶן־הִנֹּם אֲשֶׁר בְּעֵמֶק רְפָאִים צָפוֹנָה וְיָרַד גֵּי הִנֹּם
אֶל־כֶּתֶף הַיְבוּסִי נֶגְבָּה וְיָרַד עֵין רֹגֵל׃ וְתָאַר מִצָּפוֹן יז
וְיָצָא עֵין שֶׁמֶשׁ וְיָצָא אֶל־גְּלִילוֹת אֲשֶׁר־נֹכַח מַעֲלֵה
אֲדֻמִּים וְיָרַד אֶבֶן בֹּהַן בֶּן־רְאוּבֵן׃ וְעָבַר אֶל־כֶּתֶף מוּל־ יח
הָעֲרָבָה צָפוֹנָה וְיָרַד הָעֲרָבָתָה׃ וְעָבַר הַגְּבוּל אֶל־ יט
כֶּתֶף בֵּית־חָגְלָה צָפוֹנָה וְהָיָה ׀ תּוֹצְאוֹתָיו הַגְּבוּל אֶל־
לְשׁוֹן יָם־הַמֶּלַח צָפוֹנָה אֶל־קְצֵה הַיַּרְדֵּן נֶגְבָּה זֶה גְּבוּל
נֶגֶב׃ וְהַיַּרְדֵּן יִגְבֹּל־אֹתוֹ לִפְאַת־קֵדְמָה זֹאת נַחֲלַת בְּנֵי כ
בִנְיָמִן לִגְבוּלֹתֶיהָ סָבִיב לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ וְהָיוּ הֶעָרִים לְמַטֵּה כא
בְּנֵי בִנְיָמִן לְמִשְׁפְּחוֹתֵיהֶם יְרִיחוֹ וּבֵית־חָגְלָה וְעֵמֶק
קְצִיץ׃ וּבֵית הָעֲרָבָה וּצְמָרַיִם וּבֵית־אֵל׃ וְהָעַוִּים כב כג
וְהַפָּרָה וְעָפְרָה׃ וּכְפַר הָעַמֹּנִי וְהָעָפְנִי וָגָבַע עָרִים כד
שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה וְחַצְרֵיהֶן׃ גִּבְעוֹן וְהָרָמָה וּבְאֵרוֹת׃ וְהַמִּצְפֶּה כה כו
וְהַכְּפִירָה וְהַמֹּצָה׃ וְרֶקֶם וְיִרְפְּאֵל וְתַרְאֲלָה׃ וְצֵלַע הָאֶלֶף כז כח
וְהַיְבוּסִי הִיא יְרוּשָׁלַ͏ִם גִּבְעַת קִרְיַת עָרִים אַרְבַּע־עֶשְׂרֵה
וְחַצְרֵיהֶן זֹאת נַחֲלַת בְּנֵי־בִנְיָמִן לְמִשְׁפְּחֹתָם׃

יט

וַיֵּצֵא הַגּוֹרָל הַשֵּׁנִי לְשִׁמְעוֹן לְמַטֵּה בְנֵי־שִׁמְעוֹן לְמִשְׁפְּחוֹתָם א
וַיְהִי נַחֲלָתָם בְּתוֹךְ נַחֲלַת בְּנֵי־יְהוּדָה׃ וַיְהִי לָהֶם ב
בְּנַחֲלָתָם בְּאֵר־שֶׁבַע וְשֶׁבַע וּמוֹלָדָה׃ וַחֲצַר שׁוּעָל ג
וּבָלָה וָעָצֶם׃ וְאֶלְתּוֹלַד וּבְתוּל וְחָרְמָה׃ וְצִקְלַג וּבֵית־ ד ה
הַמַּרְכָּבוֹת וַחֲצַר סוּסָה׃ וּבֵית לְבָאוֹת וְשָׁרוּחֶן עָרִים ו
שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה וְחַצְרֵיהֶן׃ עַיִן רִמּוֹן וָעֶתֶר וְעָשָׁן עָרִים ז
אַרְבַּע וְחַצְרֵיהֶן׃ וְכָל־הַחֲצֵרִים אֲשֶׁר סְבִיבוֹת הֶעָרִים ח
הָאֵלֶּה עַד־בַּעֲלַת בְּאֵר רָאמַת נֶגֶב זֹאת נַחֲלַת מַטֵּה בְנֵי־

יח, יט׳ והיו ק   תוצאות ק   כד׳ העמונה ק   יט, ח׳ כצ״ל באי נחה

איז געווען פון עק קִריַת־יעָרים; און דער געמאַרק איז אַרויסגעגאַנגען צו מערב, און איז אַרויסגעקומען בײַם קוואַל פון די וואַסערן פון נֶפתוֹחַ. [16] און דער געמאַרק האָט אַראָפּגענידערט צום עק באַרג וואָס פאַר דעם טאָל פון בֶּן־הִנוֹם, וואָס אין טאָל רפָאים צו צפון; און ער האָט אַראָפּגענידערט צו דעם טאָל פון הִנוֹם, צום רוקן פון דעם יבוסי צו דָרום, און איז אַראָפּגעגאַנגען קיין עֵין־רוֹגֵל. [17] און ער האָט זיך געצויגן פון צפון, און איז אַרויסגעקומען בײַ עֵין־שֶמֶש, און איז אַרויס צו גלילות וואָס אַקעגן דעם אַרויפגאַנג פון אַדומים, און האָט אַראָפּגענידערט צו דעם שטיין פון בוֹהַן דעם זון פון ראובן. [18] און ער איז אַריבער צום רוקן אַקעגן דעם פּלוין צו צפון, און האָט אַראָפּגענידערט צום פּלוין. [19] און דער געמאַרק איז אַריבער צום רוקן פון בֵּית־חָגלָה צו צפון; און דער אויסלאָז פון דעם געמאַרק איז געווען בײַ דער צונג פון יַם־הַמֶלַח צו צפון, בײַם עק יַרדן צו דָרום. דאָס איז דער געמאַרק פון דָרום. [20] און דער יַרדן גרענעצט עס צו מזרח־זײַט.

דאָס איז די נחלה פון די קינדער פון בנימין לויט אירע געמאַרקן, רונד אַרום, לויט זייערע משפּחות.

[21] און די שטעט פון דעם שבט פון די קינדער פון בנימין לויט זייערע משפּחות זײַנען געווען יריחו, און בֵּית־חָגלָה, און עֵמֶק־קצִיץ; [22] און בֵּית־עַרָבָה, און צמָרַיִם, און בֵּית־אֵל; [23] און עַוִים, און פָּרָה, און עָפרָה; [24] און כּפַר־עַמוֹנָה, און עָפני, און גֶבַע. צוועלף שטעט מיט זייערע דערפער.

[25] גִבעוֹן, און רָמָה, און בּאֵרוֹת; [26] און מִצפֶּה, און כּפִירָה, און מוֹצָה; [27] און רֶקֶם, און יִרפּאֵל, און תַּראֲלָה; [28] און צֵלַע, אֶלֶף, און דער יבוסי—דאָס איז ירושָלַיִם—גִבעַת, קִריַת. פערצן שטעט מיט זייערע דערפער.

דאָס איז די נחלה פון די קינדער פון בנימין לויט זייערע משפּחות.

יט [1] און דער צווייטער גורל איז אַרויסגעקומען פאַר שמעון, פאַר דעם שבט פון די קינדער פון שמעון לויט זייערע משפּחות; און זייער נחלה איז געווען אין מיטן פון דער נחלה פון די קינדער פון יהודה. [2] און זיי האָבן געהאַט אין זייער נחלה בּאֵר־שֶבַע, און שֶבַע, און מוֹלָדָה; [3] און חֲצַר־שוּעָל, און בָּלָה, און עֶצֶם; [4] און אֶלתּוֹלַד, און בּתוּל, און חָרמָה; [5] און ציקלַג, און בֵּית־מַרכָּבוֹת, און חֲצַר־סוּסָה; [6] און בֵּית־לבָאוֹת, און שָרוּחֶן. דרייצן שטעט מיט זייערע דערפער.

[7] עַיִן, רִמוֹן, און עֶתֶר, און עָשָן. פיר שטעט מיט זייערע דערפער. [8] און אַלע דערפער וואָס רונד אַרום די דאָזיקע שטעט ביז בַּעֲלַת־בּאֵר, ביז רָמָה פון דָרום.

דאָס איז די נחלה פֿון דעם שבט פֿון די קינדער פֿון שמעון לויט זייערע משפּחות. [9] פֿון דעם טייל פֿון די קינדער פֿון יהודה איז געווען די נחלה פֿון די קינדער פֿון שמעון, וואָרום דער חלק פֿון די קינדער פֿון יהודה איז געווען צו גרויס פֿאַר זיי, און די קינדער פֿון שמעון האָבן געקריגן אַ נחלה אין מיטן פֿון זייער נחלה.

[10] און דער דריטער גורל איז אַרויפֿגעקומען פֿאַר די קינדער פֿון זבולון לויט זייערע משפּחות; און דער געמאַרק פֿון זייער נחלה איז געווען ביז שָׂרִיד. [11] און זייער געמאַרק איז אַרויפֿגעגאַנגען צו מערב און מַרְעֲלָה, און האָט זיך אָנגעשטויסן אָן דַבֶּשֶׁת, און זיך אָנגעשטויסן אָן דעם טייך וואָס פֿאַר יָקְנְעָם. [12] און ער האָט זיך אומגעקערט פֿון שָׂרִיד צו מזרח, קעגן זונאויפֿגאַנג, ביז דעם געמאַרק פֿון כִּסלוֹת־תָּבוֹר, און איז אַרויסגעגאַנגען צו דָבְרַת, און אַרויפֿגעגאַנגען קיין יָפִיעַ. [13] און פֿון דאָרטן איז ער אַריבער קיין מזרח, צו זונאויפֿגאַנג, צו גַת־חֵפֶר, צו עֵת־קָצִין, און איז אַרויסגעגאַנגען בײַ רִמּוֹן־מְתוֹאָר קיין נֵעָה. [14] און דער געמאַרק האָט זיך אויסגעדרייט אַרום דעם צו צפֿון פֿון חַנָּתוֹן; און זיין אויסלאָז איז געווען דער טאָל יִפְתַּח־אֵל; [15] און קַטָּת, און נַהֲלָל, און שִׁמְרוֹן, און יִדאַלָה, און בֵּית־לֶחֶם. צוועלף שטעט מיט זייערע דערפֿער.

[16] דאָס איז די נחלה פֿון די קינדער פֿון זבולון לויט זייערע משפּחות, די־דאָזיקע שטעט מיט זייערע דערפֿער.

[17] פֿאַר יִשָּׂשכָר איז אַרויסגעקומען דער פֿירטער גורל; פֿאַר די קינדער פֿון יִשָּׂשכָר לויט זייערע משפּחות.

[18] און זייער געמאַרק איז געווען יִזְרְעֶאל, און כּסולות, און שׁוּנֵם; [19] און חֲפָרַיִם, און שיאון, און אֲנָחֲרַת; [20] און רַבִּית, און קִשְׁיוֹן, און אֶבֶץ; [21] און רֶמֶת, און עֵין־גַּנִּים, און עֵין־חַדָּה, און בֵּית־פַּצֵּץ. [22] און דער געמאַרק האָט זיך אָנגעשטויסן אָן תָּבוֹר, און שַׁחֲצִימָה, און בֵּית־שֶׁמֶשׁ; און דער אויסלאָז פֿון זייער געמאַרק איז געווען דער יַרדן. זעכצן שטעט מיט זייערע דערפֿער.

[23] דאָס איז די נחלה פֿון דעם שבט פֿון די קינדער פֿון יִשָּׂשכָר לויט זייערע משפּחות, די שטעט מיט זייערע דערפֿער.

[24] און דער פֿינפֿטער גורל איז אַרויסגעקומען פֿאַר דעם שבט פֿון די קינדער פֿון אָשֵׁר לויט זייערע משפּחות. [25] און זייער געמאַרק איז געווען: חֶלְקַת, און חֲלִי, און בֶּטֶן, און אַכְשָׁף; [26] און אַלַמֶּלֶךְ, און עַמְעָד, און מִשְׁאָל; און ער האָט זיך אָנגעשטויסן אָן כַּרְמֶל אין מערב, און אָן שִׁיחוֹר־לִבְנָת. [27] און ער האָט זיך אומגעקערט צו זונאויפֿגאַנג, צו בֵּית־דָּגוֹן, און האָט זיך אָנגעשטויסן אָן זבולון, און אָן דעם טאָל יִפְתַּח־אֵל צו צפֿון, בֵּית־עֵמֶק, און נְעִיאֵל, און איז אַרויס צו כָּבוּל אויף לינקס, [28] און עֶבְרוֹן, און רחוב, און חַמּוֹן, און קָנָה, ביז גרויס־צידון. [29] און דער געמאַרק האָט זיך אומגעקערט צו רָמָה, און ביז דער פֿעסטונגשטאָט צור. און דער געמאַרק האָט זיך אומגעקערט צו חוֹסָה; און זיין אויסלאָז איז געווען בײַם ים, פֿון חֶבֶל ביז אַכְזִיב; [30] און עוּמָה, און אֲפֵק, און רחוב. צוויי און צוואַנציק שטעט מיט זייערע דערפֿער.

[31] דאָס איז די נחלה פֿון דעם שבט פֿון די קינדער פֿון אָשֵׁר לויט זייערע משפּחות, די־דאָזיקע שטעט מיט זייערע דערפֿער.

ט שִׁמְעוֹן לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ מֵחֶבֶל בְּנֵי יְהוּדָה נַחֲלַת בְּנֵי שִׁמְעוֹן
כִּי־הָיָה חֵלֶק בְּנֵי־יְהוּדָה רַב מֵהֶם וַיִּנְחֲלוּ בְנֵי־שִׁמְעוֹן
י בְּתוֹךְ נַחֲלָתָם׃ וַיַּעַל הַגּוֹרָל הַשְּׁלִישִׁי לִבְנֵי זְבוּלֻן
יא לְמִשְׁפְּחֹתָם וַיְהִי גְּבוּל נַחֲלָתָם עַד־שָׂרִיד׃ וְעָלָה גְבוּלָם ׀
לַיָּמָּה וּמַרְעֲלָה וּפָגַע בְּדַבָּשֶׁת וּפָגַע אֶל־הַנַּחַל אֲשֶׁר עַל־
יב פְּנֵי יָקְנְעָם׃ וְשָׁב מִשָּׂרִיד קֵדְמָה מִזְרַח הַשֶּׁמֶשׁ עַל־גְּבוּל
יג כִּסְלֹת תָּבֹר וְיָצָא אֶל־הַדָּבְרַת וְעָלָה יָפִיעַ׃ וּמִשָּׁם עָבַר
קֵדְמָה מִזְרָחָה גִּתָּה חֵפֶר עִתָּה קָצִין וְיָצָא רִמּוֹן הַמְּתֹאָר
יד הַנֵּעָה׃ וְנָסַב אֹתוֹ הַגְּבוּל מִצְּפוֹן חַנָּתֹן וְהָיוּ תֹּצְאֹתָיו גֵּי
טו יִפְתַּח־אֵל׃ וְקַטָּת וְנַהֲלָל וְשִׁמְרוֹן וְיִדְאֲלָה וּבֵית לָחֶם
טז עָרִים שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה וְחַצְרֵיהֶן׃ זֹאת נַחֲלַת בְּנֵי־זְבוּלֻן
יז לְמִשְׁפְּחוֹתָם הֶעָרִים הָאֵלֶּה וְחַצְרֵיהֶן׃ לְיִשָּׂשכָר יָצָא
יח הַגּוֹרָל הָרְבִיעִי לִבְנֵי יִשָּׂשכָר לְמִשְׁפְּחוֹתָם׃ וַיְהִי גְּבוּלָם
יט יִזְרְעֶאלָה וְהַכְּסוּלֹת וְשׁוּנֵם׃ וַחֲפָרַיִם וְשִׁיאֹן וַאֲנָחֲרַת׃
כ
כא וְהָרַבִּית וְקִשְׁיוֹן וָאָבֶץ׃ וְרֶמֶת וְעֵין־גַּנִּים וְעֵין חַדָּה וּבֵית
כב פַּצֵּץ׃ וּפָגַע הַגְּבוּל בְּתָבוֹר וְשַׁחֲצוּמָה וּבֵית שֶׁמֶשׁ וְהָיוּ
כג תֹּצְאוֹת גְּבוּלָם הַיַּרְדֵּן עָרִים שֵׁשׁ־עֶשְׂרֵה וְחַצְרֵיהֶן׃ זֹאת
נַחֲלַת מַטֵּה בְנֵי־יִשָּׂשכָר לְמִשְׁפְּחֹתָם הֶעָרִים וְחַצְרֵיהֶן׃
כד וַיֵּצֵא הַגּוֹרָל הַחֲמִישִׁי לְמַטֵּה בְנֵי־אָשֵׁר לְמִשְׁפְּחוֹתָם׃
כה
כו וַיְהִי גְּבוּלָם חֶלְקַת וַחֲלִי וָבֶטֶן וְאַכְשָׁף׃ וְאַלַמֶּלֶךְ וְעַמְעָד
כז וּמִשְׁאָל וּפָגַע בְּכַרְמֶל הַיָּמָּה וּבְשִׁיחוֹר לִבְנָת׃ וְשָׁב מִזְרַח
הַשֶּׁמֶשׁ בֵּית דָּגֹן וּפָגַע בִּזְבֻלוּן וּבְגֵי יִפְתַּח־אֵל צָפוֹנָה
כח בֵּית הָעֵמֶק וּנְעִיאֵל וְיָצָא אֶל־כָּבוּל מִשְּׂמֹאל׃ וְעֶבְרֹן וּרְחֹב
כט וְחַמּוֹן וְקָנָה עַד צִידוֹן רַבָּה׃ וְשָׁב הַגְּבוּל הָרָמָה וְעַד־
עִיר מִבְצַר־צֹר וְשָׁב הַגְּבוּל חֹסָה וְיהָיוּ תֹצְאֹתָיו הַיָּמָּה
ל מֵחֶבֶל אַכְזִיבָה׃ וְעֻמָה וַאֲפֵק וּרְחֹב עָרִים עֶשְׂרִים וּשְׁתָּיִם
לא וְחַצְרֵיהֶן׃ זֹאת נַחֲלַת מַטֵּה בְנֵי־אָשֵׁר לְמִשְׁפְּחֹתָם

---

טו׳ ס״א ויראלה   כב׳ ושחצימה ק   כט׳ והיו ק

הֶעָרִים הָאֵלֶּה וְחַצְרֵיהֶן׃ לִבְנֵי נַפְתָּלִי יָצָא הַגּוֹרָל לב
הַשִּׁשִּׁי לִבְנֵי נַפְתָּלִי לְמִשְׁפְּחֹתָם׃ וַיְהִי גְבוּלָם מֵחֵלֶף לג
מֵאֵלוֹן בְּצַעֲנַנִּים וַאֲדָמִי הַנֶּקֶב וְיַבְנְאֵל עַד־לַקּוּם וַיְהִי
תֹצְאֹתָיו הַיַּרְדֵּן׃ וְשָׁב הַגְּבוּל יָמָּה אַזְנוֹת תָּבוֹר וְיָצָא לד
מִשָּׁם חוּקֹקָה וּפָגַע בִּזְבֻלוּן מִנֶּגֶב וּבְאָשֵׁר פָּגַע מִיָּם וּבִיהוּדָה
הַיַּרְדֵּן מִזְרַח הַשָּׁמֶשׁ׃ וְעָרֵי מִבְצָר הַצִּדִּים צֵר וְחַמַּת לה
רַקַּת וְכִנָּרֶת׃ וַאֲדָמָה וְהָרָמָה וְחָצוֹר׃ וְקֶדֶשׁ וְאֶדְרֶעִי לו לז
וְעֵין חָצוֹר׃ וְיִרְאוֹן וּמִגְדַּל־אֵל חֳרֵם וּבֵית־עֲנָת וּבֵית שָׁמֶשׁ לח
עָרִים תְּשַׁע־עֶשְׂרֵה וְחַצְרֵיהֶן׃ זֹאת נַחֲלַת מַטֵּה בְנֵי־נַפְתָּלִי לט
לְמִשְׁפְּחֹתָם הֶעָרִים וְחַצְרֵיהֶן׃ לְמַטֵּה בְנֵי־דָן מ
לְמִשְׁפְּחֹתָם יָצָא הַגּוֹרָל הַשְּׁבִיעִי׃ וַיְהִי גְּבוּל נַחֲלָתָם מא
צָרְעָה וְאֶשְׁתָּאֹל וְעִיר שָׁמֶשׁ׃ וְשַׁעֲלַבִּין וְאַיָּלוֹן וְיִתְלָה׃ מב
וְאֵילוֹן וְתִמְנָתָה וְעֶקְרוֹן׃ וְאֶלְתְּקֵה וְגִבְּתוֹן וּבַעֲלָת׃ מג מד
וִיהֻד וּבְנֵי־בְרַק וְגַת־רִמּוֹן׃ וּמֵי הַיַּרְקוֹן וְהָרַקּוֹן עִם־הַגְּבוּל מה מו
מוּל יָפוֹ׃ וַיֵּצֵא גְבוּל בְּנֵי־דָן מֵהֶם וַיַּעֲלוּ בְנֵי־דָן וַיִּלָּחֲמוּ מז
עִם־לֶשֶׁם וַיִּלְכְּדוּ אוֹתָהּ וַיַּכּוּ אוֹתָהּ לְפִי־חֶרֶב וַיִּרְשׁוּ
אוֹתָהּ וַיֵּשְׁבוּ בָהּ וַיִּקְרְאוּ לְלֶשֶׁם דָּן כְּשֵׁם דָּן אֲבִיהֶם׃
זֹאת נַחֲלַת מַטֵּה בְנֵי־דָן לְמִשְׁפְּחֹתָם הֶעָרִים הָאֵלֶּה מח
וְחַצְרֵיהֶן׃ וַיְכַלּוּ לִנְחֹל אֶת־הָאָרֶץ לִגְבוּלֹתֶיהָ וַיִּתְּנוּ מט
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל נַחֲלָה לִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן בְּתוֹכָם׃ עַל־פִּי יְהוָה נ
נָתְנוּ לוֹ אֶת־הָעִיר אֲשֶׁר שָׁאָל אֶת־תִּמְנַת־סֶרַח בְּהַר
אֶפְרָיִם וַיִּבְנֶה אֶת־הָעִיר וַיֵּשֶׁב בָּהּ׃ אֵלֶּה הַנְּחָלֹת אֲשֶׁר־ נא
נִחֲלוּ אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וִיהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן וְרָאשֵׁי הָאָבוֹת לְמַטּוֹת
בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּגוֹרָל בְּשִׁלֹה לִפְנֵי יְהוָה פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד
וַיְכַלּוּ מֵחַלֵּק אֶת־הָאָרֶץ׃

כ

וַיְדַבֵּר יְהוָה אֶל־יְהוֹשֻׁעַ לֵאמֹר׃ דַּבֵּר אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל א ב

יט, נ׳ קמץ בז״ק

[32] פאַר די קינדער פון נפתלי איז אַרויסגעקומען דער זעקסטער גורל; פאַר די קינדער פון נפתלי לויט זייערע משפחות. [33] און זייער געמאַרק איז געווען פון חֵלֶף, פון אַלוֹן־בצַעֲנַנים, און אַדָמי־נֶקֶב, און יַבנְאֵל, ביז לַקום; און זיין אויסלאָז איז געווען דער יַרדן. [34] און דער געמאַרק האָט זיך אומגעקערט קיין מערב, צו אַזנות־תָּבור, און איז אַרויס פון דאָרטן צו חוקוק, און האָט זיך אָנגעשטויסן אָן זבולון אין דָרום, און אָן אָשר האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין מערב, און אָן יהודה ביים יַרדן צו זונאויפגאַנג. [35] און די פעסטונגשטעט זיינען געווען צִדים־צֵר, און חַמַת, רַקַת, און כִנֶרֶת; [36] און אַדָמָה, און רָמָה, און חָצוֹר; [37] און קֶדֶש, און אֶדרֶעִי, און עֵין־חָצוֹר; [38] און יִראון, און מִגדַל־אֵל, חָרֵם, און בֵית־עֲנָת, און בֵית־שֶמֶש. ניינצן שטעט מיט זייערע דערפער.

[39] דאָס איז די נחלה פון דעם שבט פון די קינדער פון נפתלי לויט זייערע משפחות, די שטעט מיט זייערע דערפער.

[40] פאַר דעם שבט פון די קינדער פון דָן לויט זייערע משפחות איז אַרויסגעקומען דער זיבעטער גורל. [41] און דער געמאַרק פון זייער נחלה איז געווען: צָרעָה, און אֶשתָאול, און עִיר־שֶמֶש; [42] און שַעֲלַבין, און אַיָלון, און יִתלָה; [43] און אֵילון, און תִמנָה, און עֶקרון; [44] און אֶלתְקֵה, און גִבתון, און בַעֲלָת; [45] און יהוּד, און בנֵי־בַרַק, און גַת־רִמון; [46] און מֵי־יַרקון, און רַקון, מיט דעם געמאַרק אַקעגן יָפו.

[47] און דער געמאַרק פון די קינדער פון דָן איז אויסגעקומען צו ווינציק פאַר זיי; זיינען די קינדער פון דָן אַרויפגעגאַנגען און האָבן מלחמה געהאַלטן מיט לֶשֶם, און האָבן זי באַצוווּנגען, און זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, און זי געאַרבט, און זיך באַזעצט אין איר; און זיי האָבן גערופן לֶשֶם, דָן, אַזוי ווי דער נאָמען פון זייער פאָטער דָן.

[48] דאָס איז די נחלה פון דעם שבט פון די קינדער פון דָן לויט זייערע משפחות, די דאָזיקע שטעט מיט זייערע דערפער.

[49] און אַז זיי האָבן געענדיקט מאַכן אַרבן דאָס לאַנד לויט אירע געמאַרקן, האָבן די קינדער פון ישׂראל געגעבן אַ נחלה צו יהושעַ דעם זון פון נון, צווישן זיי. [50] לויט דעם מויל פון גאָט האָבן זיי אים געגעבן די שטאָט וואָס ער האָט פאַרלאַנגט, תִמנַת־סֶרַח אין דעם געבערג פון אפרים; און ער האָט באַבויט די שטאָט, און זיך באַזעצט אין איר.

[51] דאָס זיינען די נחלות וואָס אֶלעָזָר דער כהן, און יהושעַ דער זון פון נון, און די הויפּטלייט פון די פאָטערהייזער פון די שבטים פון די קינדער פון ישׂראל, האָבן געמאַכט אַרבן לויט גורל אין שילו פאַר גאָט, ביים אַיינגאַנג פון אוהל־מועד. אַזוי האָבן זיי געענדיקט צעטיילן דאָס לאַנד.

כ [1] און גאָט האָט גערעדט צו יהושוען, אַזוי צו זאָגן: [2] רעד צו די קינדער פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן:

מאַכט אײַך די שטעט פון אַנטרינונג װאָס איך האָב אײַך אָנגעזאָגט דורך משהן, [3] אויף צו אַנטלויפן אַהין, פאַר דעם טויטשלעגער װאָס דערשלאָגט אַ נפש דורך אַ פאַרזע, אָן אַ כּיוון; און זײ זאָלן אײַך זײַן פאַר אַנטרינונג פון דעם בלוטמאָנער. [4] און ער זאָל אַנטלויפן אין אײנער פון דידאָזיקע שטעט, און זיך שטעלן אין אײַנגאַנג פון שטאָטטויער, און רעדן אין די אויערן פון די עלטסטע פון יענער שטאָט זײַנע װערטער, און זײ זאָלן אים אַרײַננעמען צו זיך אין דער שטאָט, און אים געבן אַן אָרט, און ער זאָל זיצן בײַ זײ. [5] און אַז דער בלוטמאָנער װעט אים נאָכיאָגן, זאָלן זײ ניט איבערענטפערן דעם טויטשלעגער אין זײַן האַנט, װאָרום אָן אַ כּיוון האָט ער דערשלאָגן זײַן חבר, און ער איז אים ניט געװען אַ שׂונא פון נעכטן־אײערנעכטן. [6] און ער זאָל זיצן אין יענער שטאָט, ביז ער שטעלט זיך פאַר דער עדה צום משפט[א], ביז דעם טויט פון דעם כּהן־גָדול װאָס װעט זײַן אין יענע טעג; דענסמאָל מעג דער טויטשלעגער זיך אומקערן, און קומען אין זײַן שטאָט, און אין זײַן הויז—אין דער שטאָט װאָס ער איז פון דאָרטן אַנטלאָפן.

[7] האָבן זײ געהײליקט קֶדֶש אין גָליל, אין דעם געבערג פון נפתלי, און שכֶם אין דעם געבערג פון אפרים, און קִרְיַת־אַרבַּע—דאָס איז חֶברון—אין דעם געבערג פון יהודה. [8] און פון יענער זײַט יַרדן, בײַ יריחו צו מזרח, האָבן זײ אָפּגעגעבן בֶּצֶר אין מדבר אין דעם פלאַכלאַנד, פון שבט ראובן, און ראָמות אין גִלעָד, פון שבט גָד, און גולָן אין בָּשָן, פון שבט מנשה.

לֵאמֹר תְּנוּ לָכֶם אֶת־עָרֵי הַמִּקְלָט אֲשֶׁר־דִּבַּרְתִּי אֲלֵיכֶם
ג בְּיַד־מֹשֶׁה׃ לָנוּס שָׁמָּה רוֹצֵחַ מַכֵּה־נֶפֶשׁ בִּשְׁגָגָה בִּבְלִי־
ד דָעַת וְהָיוּ לָכֶם לְמִקְלָט מִגֹּאֵל הַדָּם׃ וְנָס אֶל־אַחַת ׀
מֵהֶעָרִים הָאֵלֶּה וְעָמַד פֶּתַח שַׁעַר הָעִיר וְדִבֶּר בְּאָזְנֵי
זִקְנֵי הָעִיר־הַהִיא אֶת־דְּבָרָיו וְאָסְפוּ אֹתוֹ הָעִירָה אֲלֵיהֶם
ה וְנָתְנוּ־לוֹ מָקוֹם וְיָשַׁב עִמָּם׃ וְכִי יִרְדֹּף גֹּאֵל הַדָּם אַחֲרָיו
וְלֹא־יַסְגִּרוּ אֶת־הָרֹצֵחַ בְּיָדוֹ כִּי בִבְלִי־דַעַת הִכָּה אֶת־רֵעֵהוּ
ו וְלֹא־שֹׂנֵא הוּא לוֹ מִתְּמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃ וְיָשַׁב ׀ בָּעִיר הַהִיא
עַד־עָמְדוֹ לִפְנֵי הָעֵדָה לַמִּשְׁפָּט עַד־מוֹת הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל
אֲשֶׁר יִהְיֶה בַּיָּמִים הָהֵם אָז ׀ יָשׁוּב הָרוֹצֵחַ וּבָא אֶל־עִירוֹ
ז וְאֶל־בֵּיתוֹ אֶל־הָעִיר אֲשֶׁר־נָס מִשָּׁם׃ וַיַּקְדִּשׁוּ אֶת־קֶדֶשׁ
בַּגָּלִיל בְּהַר נַפְתָּלִי וְאֶת־שְׁכֶם בְּהַר אֶפְרָיִם וְאֶת־קִרְיַת
ח אַרְבַּע הִיא חֶבְרוֹן בְּהַר יְהוּדָה׃ וּמֵעֵבֶר לְיַרְדֵּן יְרִיחוֹ
מִזְרָחָה נָתְנוּ אֶת־בֶּצֶר בַּמִּדְבָּר בַּמִּישֹׁר מִמַּטֵּה רְאוּבֵן
וְאֶת־רָאמוֹת בַּגִּלְעָד מִמַּטֵּה גָד וְאֶת־גּוֹלָן בַּבָּשָׁן מִמַּטֵּה
ט מְנַשֶּׁה׃ אֵלֶּה הָיוּ עָרֵי הַמּוּעָדָה לְכֹל ׀ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלַגֵּר
הַגָּר בְּתוֹכָם לָנוּס שָׁמָּה כָּל־מַכֵּה־נֶפֶשׁ בִּשְׁגָגָה וְלֹא יָמוּת
בְּיַד גֹּאֵל הַדָּם עַד־עָמְדוֹ לִפְנֵי הָעֵדָה׃

כא

א וַיִּגְּשׁוּ רָאשֵׁי אֲבוֹת הַלְוִיִּם אֶל־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן וְאֶל־יְהוֹשֻׁעַ
ב בִּן־נוּן וְאֶל־רָאשֵׁי אֲבוֹת הַמַּטּוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְדַבְּרוּ
אֲלֵיהֶם בְּשִׁלֹה בְּאֶרֶץ כְּנַעַן לֵאמֹר יְהוָה צִוָּה בְיַד־מֹשֶׁה
ג לָתֶת־לָנוּ עָרִים לָשָׁבֶת וּמִגְרְשֵׁיהֶן לִבְהֶמְתֵּנוּ׃ וַיִּתְּנוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל לַלְוִיִּם מִנַּחֲלָתָם אֶל־פִּי יְהוָה אֶת־הֶעָרִים הָאֵלֶּה
ד וְאֶת־מִגְרְשֵׁיהֶן׃ וַיֵּצֵא הַגּוֹרָל לְמִשְׁפְּחֹת הַקְּהָתִי וַיְהִי
לִבְנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֵן מִן־הַלְוִיִּם מִמַּטֵּה יְהוּדָה וּמִמַּטֵּה
הַשִּׁמְעֹנִי וּמִמַּטֵּה בִנְיָמִן בַּגּוֹרָל עָרִים שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה׃

כ, ח׳ גלן קרי   כא, ג׳ סבירין על־פי

[9] דאָס זײַנען געװען די באַשטימטע שטעט פאַר אַלע קינדער פון ישׂראל, און פאַר דעם פרעמדן װאָס האַלט זיך אויף צװישן זײ; אויף צו אַנטלויפן אַהין, פאַר איטלעכן װאָס דערשלאָגט אַ נפש דורך אַ פאַרזע; כּדי ער זאָל ניט שטאַרבן דורך דער האַנט פון דעם בלוטמאָנער, אײדער ער שטעלט זיך פאַר דער עדה.

## כא

[1] און די הויפּטלײַט פון די פאָטערהײַזער פון די לוִיִם האָבן גענענט צו אֶלעָזָר דעם כּהן, און צו יהושֻעַ דעם זון פון נון, און צו די הויפּטלײַט פון די פאָטערהײַזער פון די שבטים פון די קינדער פון ישׂראל, [2] און זײ האָבן צו זײ גערעדט אין שילו, אין לאַנד כּנַעַן, אַזוי צו זאָגן: גאָט האָט באַפוילן דורך משהן אונדז צו געבן שטעט צום װױנען, מיט זײערע פרײַע פּלעצער פאַר אונדזערע בהמות.

[3] האָבן די קינדער פון ישׂראל געגעבן די לוִיִם פון זײער נחלה, לויט דעם מויל פון גאָט, דידאָזיקע שטעט מיט זײערע פרײַע פּלעצער.

[4] און דער גורל איז אַרויס פאַר די משפּחות פון די קְהָתים; און פאַר די קינדער פון אַהרן דעם כּהן, פון די לוִיִם, זײַנען געװען פון שבט יהודה, און פון שבט פון די שמעונים, און פון שבט בנימין, לויט גורל, דרײַצן שטעט.

[א] ד. ה. און אויב זײַן אומשולד װערט באַװיזן.

ה וְלִבְנֵי קְהָת הַנּוֹתָרִים מִמִּשְׁפְּחֹת מַטֵּה־אֶפְרַיִם וּמִמַּטֵּה־
ו דָן וּמֵחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה בַּגּוֹרָל עָרִים עָשֶׂר׃ וְלִבְנֵי
גֵרְשׁוֹן מִמִּשְׁפְּחוֹת מַטֵּה־יִשָּׂשכָר וּמִמַּטֵּה־אָשֵׁר וּמִמַּטֵּה
נַפְתָּלִי וּמֵחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה בַבָּשָׁן בַּגּוֹרָל עָרִים שְׁלֹשׁ
ז עֶשְׂרֵה׃ לִבְנֵי מְרָרִי לְמִשְׁפְּחֹתָם מִמַּטֵּה רְאוּבֵן
ח וּמִמַּטֵּה־גָד וּמִמַּטֵּה זְבוּלֻן עָרִים שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה׃ וַיִּתְּנוּ
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לַלְוִיִּם אֶת־הֶעָרִים הָאֵלֶּה וְאֶת־מִגְרְשֵׁיהֶן
ט כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה בַּגּוֹרָל׃ וַיִּתְּנוּ מִמַּטֵּה
בְּנֵי יְהוּדָה וּמִמַּטֵּה בְּנֵי שִׁמְעוֹן אֵת הֶעָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר־
י יִקְרָא אֶתְהֶן בְּשֵׁם׃ וַיְהִי לִבְנֵי אַהֲרֹן מִמִּשְׁפְּחוֹת הַקְּהָתִי
יא מִבְּנֵי לֵוִי כִּי לָהֶם הָיָה הַגּוֹרָל רִאשֹׁנָה׃ וַיִּתְּנוּ לָהֶם אֶת־
קִרְיַת אַרְבַּע אֲבִי הָעֲנוֹק הִיא חֶבְרוֹן בְּהַר יְהוּדָה וְאֶת־
יב מִגְרָשֶׁהָ סְבִיבֹתֶיהָ׃ וְאֶת־שְׂדֵה הָעִיר וְאֶת־חֲצֵרֶיהָ נָתְנוּ
יג לְכָלֵב בֶּן־יְפֻנֶּה בַּאֲחֻזָּתוֹ׃ וְלִבְנֵי ׀ אַהֲרֹן הַכֹּהֵן נָתְנוּ
אֶת־עִיר מִקְלַט הָרֹצֵחַ אֶת־חֶבְרוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־
יד לִבְנָה וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ וְאֶת־יַתִּר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־
טו אֶשְׁתְּמֹעַ וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ וְאֶת־חֹלֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־
טז דְּבִר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ וְאֶת־עַיִן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־יֻטָּה
וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־בֵּית שֶׁמֶשׁ וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים תֵּשַׁע
יז מֵאֵת שְׁנֵי הַשְּׁבָטִים הָאֵלֶּה׃ וּמִמַּטֵּה בִנְיָמִן אֶת־
יח גִּבְעוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־גֶּבַע וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־עֲנָתוֹת
וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־עַלְמוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃
יט כָּל־עָרֵי בְנֵי־אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה עָרִים וּמִגְרְשֵׁיהֶן׃
כ וּלְמִשְׁפְּחוֹת בְּנֵי־קְהָת הַלְוִיִּם הַנּוֹתָרִים מִבְּנֵי קְהָת
כא וַיְהִי עָרֵי גוֹרָלָם מִמַּטֵּה אֶפְרָיִם׃ וַיִּתְּנוּ לָהֶם אֶת־עִיר
מִקְלַט הָרֹצֵחַ אֶת־שְׁכֶם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ בְּהַר אֶפְרָיִם וְאֶת־
כב גֶּזֶר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ וְאֶת־קִבְצַיִם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־בֵּית

י׳ ראשנה קרי   טו׳ כצ״ל   יח׳ ס״א הב׳ בקמץ

5 און פאַר די איבעריקע קינדער פון קהָת, פון די משפחות פון שבט אפרים, און פון שבט דָן, און פון האַלבן שבט מנשה, לויט גורל, צען שטעט.

6 און פאַר די קינדער פון גֵרשון, פון די משפחות פון שבט יִששָׂכָר, און פון שבט אָשֵר, און פון שבט נפתלי, און פון דעם האַלבן שבט מנשה אין בָשָן, לויט גורל, דרייצן שטעט.

7 פאַר די קינדער פון מְרָרי לויט זייערע משפחות, פון שבט ראובן, און פון שבט גָד, און פון שבט זבולון, צוועלף שטעט.

8 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געגעבן די לוִיִם דידאָזיקע שטעט מיט זייערע פריי־פּלעצער, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן דורך משהן, לויט גורל.

9 און זיי האָבן געגעבן פון דעם שבט פון די קינדער פון יהודה, און פון דעם שבט פון די קינדער פון שמעון, דידאָזיקע שטעט וואָס מע רופט זיי דאָ אָן מיטן נאָמען. 10 און דאָס איז געווען פאַר די קינדער פון אהרן, פון די משפחות פון די קהָתים פון די קינדער פון לוִי; וואָרום זיי האָבן געקריגן דעם גורל צוערשט. 11 און מע האָט זיי געגעבן די שטאָט פון אַרבַּע[א], דעם פאָטער פון עֲנָק—דאָס איז חֶברון—אין דעם געבערג פון יהודה, מיט אירע פריי־פּלעצער רונד אַרום איר. 12 אָבער דאָס פעלד פון דער שטאָט און אירע דערפער האָבן זיי געגעבן כָּלֵב דעם זון פון יפוּנֶהן פאַר זיין אייגנטום.

13 און די קינדער פון אַהרן דעם כֹּהן האָבן זיי געגעבן די שטאָט פון אַנטרינונג פאַרן טויטשלעגער, חֶברון מיט אירע פריי־פּלעצער, און לִבנָה מיט אירע פריי־פּלעצער; 14 און יַתִּיר מיט אירע פריי־פּלעצער, און אֶשתְּמוֹעַ מיט אירע פריי־פּלעצער; 15 און חולון מיט אירע פריי־פּלעצער, און דביר מיט אירע פריי־פּלעצער; 16 און עַיִן מיט אירע פריי־פּלעצער, און יוּטָה מיט אירע פריי־פּלעצער, און בֵּית־שֶמֶש מיט אירע פריי־פּלעצער. ניין שטעט פון דידאָזיקע צוויי שבטים.

17 און פון שבט בנימין: גִבעוֹן מיט אירע פריי־פּלעצער, גֶבַע מיט אירע פריי־פּלעצער; 18 עֲנָתוֹת מיט אירע פריי־פּלעצער, און עַלמוֹן מיט אירע פריי־פּלעצער. פיר שטעט.

19 אַלע שטעט פון די קינדער פון אַהרן, די כֹּהנים: דרייצן שטעט מיט זייערע פריי־פּלעצער.

20 און פאַר די משפחות פון די קינדער פון קהָת, די לוִיִם, די איבעריקע פון די קינדער פון קהָת— די שטעט פון זייער גורל זיינען געווען פון שבט אפרים. 21 און מע האָט זיי געגעבן די שטאָט פון אַנטרינונג פאַרן טויטשלעגער, שְכֶם, מיט אירע פריי־פּלעצער, אין דעם געבערג פון אפרים, און גֶזֶר מיט אירע פריי־פּלעצער; 22 און קִבצַיִם מיט אירע

א קִריַת אַרבַּע.

פרייע פלעצער, און בית־חורון מיט אירע פרייע פלעצ־
צער. פיר שטעט.
[23] און פון שבט דן: אֶלתקה מיט אירע פרייע פלעצ־
צער, גבתון מיט אירע פרייע פלעצער; [24] אַילון מיט אירע
פרייע פלעצער, גַת־רמון מיט אירע פרייע פלעצער.
פיר שטעט.
[25] און פון האַלבן שבט מנשה: תַּעְנך מיט אירע פרייע
פלעצער, און גַת־רמון מיט אירע פרייע פלעצער. צוויי
שטעט.
[26] אַלע שטעט: צען, מיט זייערע פרייע פלעצער,
פאַר די משפחות פון די איבעריקע קינדער פון קהת.
[27] און פאַר די קינדער פון גרשון, פון די משפחות
פון די לוִיִים, פון האַלבן שבט מנשה; די שטאָט פון אַנט־
רינונג פאַרן טויטשלעגער, גולן אין בָשן מיט אירע פרייע
פלעצער, און בְעֶשתרה מיט אירע פרייע פלעצער. צוויי
שטעט.
[28] און פון שבט יִששכר: קִשיון מיט אירע פרייע פלעצ־
צער, דָברַת מיט אירע פרייע פלעצער; [29] יַרמות מיט
אירע פרייע פלעצער, עֵין־גַנים מיט אירע פרייע פלעצ־
צער. פיר שטעט.
[30] און פון שבט אָשר: מִשאָל מיט אירע פרייע פלעצער, עַבדון מיט אירע פרייע פלעצער; [31] חֶלקת מיט אירע
פרייע פלעצער, און רחוב מיט אירע פרייע פלעצער. פיר שטעט.
[32] און פון שבט נפתלי: די שטאָט פון אַנטרינונג פאַרן טויטשלעגער, קֶדש אין גָליל, מיט אירע פרייע פלעצער, און
חַמות־דאר מיט אירע פרייע פלעצער, און קַרתָן מיט אירע פרייע פלעצער. דריי שטעט.
[33] אַלע שטעט פון די גֵרשונים לויט זייערע משפחות: דרייצן שטעט מיט זייערע פרייע פלעצער.
[34] און פאַר די משפחות פון די קינדער פון מְרָרי, די איבעריקע לוִיִים, פון שבט זבולון: יָקנְעָם מיט אירע פרייע
פלעצער, קַרתָה מיט אירע פרייע פלעצער; [35] דִמנָה מיט אירע פרייע פלעצער, נַהֲלָל מיט אירע פרייע פלעצער. פיר
שטעט.
[36] און פון שבט ראובן: בֶצֶר מיט אירע פרייע פלעצער, און יַהצָה מיט אירע פרייע פלעצער; [37] קְדֵמות מיט
אירע פרייע פלעצער, און מֵיפַעַת מיט אירע פרייע פלעצער. פיר שטעט[א].

כג חֹרוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃ וּמִמַּטֵּה־דָן אֶת־
כד אֶלְתְּקֵא וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־גִּבְּתוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־אַיָּלוֹן
וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־גַּת־רִמּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃
כה וּמִמַּחֲצִית מַטֵּה מְנַשֶּׁה אֶת־תַּעְנַךְ וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־גַּת
כו רִמּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים שְׁתָּיִם׃ כָּל־עָרִים עֶשֶׂר
כז וּמִגְרְשֵׁיהֶן לְמִשְׁפְּחוֹת בְּנֵי־קְהָת הַנּוֹתָרִים׃ וְלִבְנֵי גֵרְשׁוֹן
מִמִּשְׁפְּחֹת הַלְוִיִּם מֵחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה אֶת־עִיר מִקְלַט
הָרֹצֵחַ אֶת־גָּלוֹן בַּבָּשָׁן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־בְּעֶשְׁתְּרָה וְאֶת־
כח מִגְרָשֶׁהָ עָרִים שְׁתָּיִם׃ וּמִמַּטֵּה יִשָּׂשכָר אֶת־קִשְׁיוֹן
כט וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־דָּבְרַת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־יַרְמוּת וְאֶת־
מִגְרָשֶׁהָ אֶת־עֵין גַּנִּים וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃
ל וּמִמַּטֵּה אָשֵׁר אֶת־מִשְׁאָל וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־עַבְדּוֹן וְאֶת־
לא מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־חֶלְקָת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־רְחֹב וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ
לב עָרִים אַרְבַּע׃ וּמִמַּטֵּה נַפְתָּלִי אֶת־עִיר ׀ מִקְלַט הָרֹצֵחַ
אֶת־קֶדֶשׁ בַּגָּלִיל וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־חַמֹּת דֹּאר וְאֶת־
לג מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־קַרְתָּן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים שָׁלֹשׁ׃ כָּל־עָרֵי
הַגֵּרְשֻׁנִּי לְמִשְׁפְּחֹתָם שְׁלֹשׁ־עֶשְׂרֵה עִיר וּמִגְרְשֵׁיהֶן׃
לד וּלְמִשְׁפְּחוֹת בְּנֵי־מְרָרִי הַלְוִיִּם הַנּוֹתָרִים מֵאֵת מַטֵּה זְבוּלֻן
לה אֶת־יָקְנְעָם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־קַרְתָּה וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־
דִּמְנָה וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־נַהֲלָל וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃
לו • וּמִמַּטֵּה־גָד אֶת־עִיר מִקְלַט הָרֹצֵחַ אֶת־רָמֹת
לז בַּגִּלְעָד וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־מַחֲנַיִם וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃ אֶת־
חֶשְׁבּוֹן וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ אֶת־יַעְזֵר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ כָּל־עָרִים

כב׳ כד׳ כט׳ לא׳ לה׳ ס״א הב׳ בקמץ
כז׳ גולן קרי · לו׳ בקצת ספרים נמצא כאן ב׳ פסוקים האלה, לקוחים מדברי הימים א׳ ו׳
פסוק ס״ג וס״ד. וכפי המסורה אינם ראוים להיות. ולמען לא יחסרו לקורא הצגנום פה בגליון:

*וּמִמַּטֵּה רְאוּבֵן אֶת־בֶּצֶר וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־יַהְצָה וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ׃
אֶת־קְדֵמוֹת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ וְאֶת־מֵיפַעַת וְאֶת־מִגְרָשֶׁהָ עָרִים אַרְבַּע׃

* קמץ בטרחא ** ס״א הב׳ בקמץ

[א] פסוקים 36–37, קענטיק צוגעשטעלט לויט דברי הימים א׳ ו, 63–64, געפינען זיך אין אַ סך ספרים. אין דעם מסורהשן טעקסט זיינען
זיי ניטאָ.

אַרְבַּע׃ כָּל־הֶעָרִים לִבְנֵי מְרָרִי לְמִשְׁפְּחֹתָם הַנּוֹתָרִים לח
מִמִּשְׁפְּחוֹת הַלְוִיִּם וַיְהִי גּוֹרָלָם עָרִים שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה׃ כֹּל לט
עָרֵי הַלְוִיִּם בְּתוֹךְ אֲחֻזַּת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל עָרִים אַרְבָּעִים וּשְׁמֹנֶה
וּמִגְרְשֵׁיהֶן׃ תִּהְיֶינָה הֶעָרִים הָאֵלֶּה עִיר עִיר וּמִגְרָשֶׁיהָ מ
סְבִיבֹתֶיהָ כֵּן לְכָל־הֶעָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיִּתֵּן יְהוָה לְיִשְׂרָאֵל מא
אֶת־כָּל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לָתֵת לַאֲבוֹתָם וַיִּרָשׁוּהָ וַיֵּשְׁבוּ
בָהּ׃ וַיָּנַח יְהוָה לָהֶם מִסָּבִיב כְּכֹל אֲשֶׁר־נִשְׁבַּע לַאֲבוֹתָם מב
וְלֹא־עָמַד אִישׁ בִּפְנֵיהֶם מִכָּל־אֹיְבֵיהֶם אֵת כָּל־אֹיְבֵיהֶם
נָתַן יְהוָה בְּיָדָם׃ לֹא־נָפַל דָּבָר מִכֹּל הַדָּבָר הַטּוֹב אֲשֶׁר־ מג
דִּבֶּר יְהוָה אֶל־בֵּית יִשְׂרָאֵל הַכֹּל בָּא׃

כב

אָז יִקְרָא יְהוֹשֻׁעַ לָרְאוּבֵנִי וְלַגָּדִי וְלַחֲצִי מַטֵּה מְנַשֶּׁה׃ א
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם אַתֶּם שְׁמַרְתֶּם אֵת כָּל־אֲשֶׁר צִוָּה אֶתְכֶם ב
מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה וַתִּשְׁמְעוּ בְקוֹלִי לְכֹל אֲשֶׁר־צִוִּיתִי אֶתְכֶם׃
לֹא־עֲזַבְתֶּם אֶת־אֲחֵיכֶם זֶה יָמִים רַבִּים עַד הַיּוֹם הַזֶּה ג
וּשְׁמַרְתֶּם אֶת־מִשְׁמֶרֶת מִצְוַת יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְעַתָּה הֵנִיחַ ד
יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לַאֲחֵיכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָהֶם וְעַתָּה פְּנוּ וּלְכוּ
לָכֶם לְאָהֳלֵיכֶם אֶל־אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם אֲשֶׁר ׀ נָתַן לָכֶם מֹשֶׁה
עֶבֶד יְהוָה בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן׃ רַק ׀ שִׁמְרוּ מְאֹד לַעֲשׂוֹת אֶת־ ה
הַמִּצְוָה וְאֶת־הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוָּה אֶתְכֶם מֹשֶׁה עֶבֶד־יְהוָה
לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם וְלָלֶכֶת בְּכָל־דְּרָכָיו וְלִשְׁמֹר
מִצְוֹתָיו וּלְדָבְקָה־בוֹ וּלְעָבְדוֹ בְּכָל־לְבַבְכֶם וּבְכָל־נַפְשְׁכֶם׃
וַיְבָרְכֵם יְהוֹשֻׁעַ וַיְשַׁלְּחֵם וַיֵּלְכוּ אֶל־אָהֳלֵיהֶם׃ ו וְלַחֲצִי ׀ ז
שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה נָתַן מֹשֶׁה בַּבָּשָׁן וּלְחֶצְיוֹ נָתַן יְהוֹשֻׁעַ עִם־
אֲחֵיהֶם מֵעֵבֶר הַיַּרְדֵּן יָמָּה וְגַם כִּי שִׁלְּחָם יְהוֹשֻׁעַ אֶל־
אָהֳלֵיהֶם וַיְבָרְכֵם׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם לֵאמֹר בִּנְכָסִים רַבִּים ח
שׁוּבוּ אֶל־אָהֳלֵיכֶם וּבְמִקְנֶה רַב־מְאֹד בְּכֶסֶף וּבְזָהָב

כא, לז, ס״א הב׳ בקמץ    כב, ד׳ כ״א וסער    ז׳ בעבר קרי

[38] און פון שבט גָד: די שטאָט פון אַנטרינונג פאַרן טויטשלעגער, רָמות אין גִלעָד, מיט אירע פרייע פלעצער, און מַחֲנַיִם מיט אירע פרייע פלעצער; [39] חֶשבּון מיט אירע פרייע פלעצער, יַעְזֵר מיט אירע פרייע פלעצער. אַלע שטעט: פיר.

[40] די אַלע שטעט זיינען געווען פאַר די קינדער פון מְרָרי לויט זייערע משפחות—די איבעריקע פון די משפחות פון די לְוִיִים; און זייער גורל איז געווען צוועלף שטעט.

[41] אַלע שטעט פון די לְוִיִים אין מיטן פון דעם אייגנטום פון די קינדער פון ישראל זיינען געווען אַכט און פערציק שטעט מיט זייערע פרייע פלעצער. [42] דידאָזיקע שטעט זיינען געווען שטאָט אין שטאָט מיט אירע פרייע פלעצער רונד אַרום איר; אַזוי ביי אַלע דידאָזיקע שטעט.

[43] און גאָט האָט געגעבן צו ישראל דאָס גאַנצע לאַנד וואָס ער האָט געשוואָרן צו געבן זייערע עלטערן; און זיי האָבן עס געאַרבט, און זיך באַזעצט דערין. [44] און גאָט האָט זיי באַרוּט פון רונד אַרום, אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט געשוואָרן זייערע עלטערן; און קיינער פון אַלע זייערע פיינט איז ניט באַשטאַנען פאַר זיי; אַלע זייערע פיינט האָט גאָט געגעבן אין זייער האַנט. [45] ניט אַ וואָרט איז אָפּגעפאַלן פון אַלדעם גוּטן צוזאָג וואָס גאָט האָט צו־געזאָגט דעם הויז פון ישראל; אַלץ איז אָנגעקומען.

**כב** [1] דענסמאָל האָט יהושֻעַ גערופן די ראוּבֵנים, און די גָדים, און דעם האַלבן שבט מנשה. [2] און ער האָט צו זיי געזאָגט: איר האָט געהיט אַלץ וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט אײַך באַפוילן, און איר האָט צו־געהערט צו מיין קָול, אין אַלץ וואָס איך האָב אײַך באַפוילן. [3] איר האָט ניט פאַרלאָזט אײַערע ברידער דידאָזיקע פיל טעג ביז אויף היינטיקן טאָג, און איר האָט געהיט די היטונג פון דעם געבאָט פון יהוה אײַער גאָט. [4] און אַצונד האָט יהוה אײַער גאָט באַרוּט אײַערע ברידער, אַזוי ווי ער האָט זיי צוגעזאָגט; דרום קערט אײַך אום אַצונד, און גייט אײַך צו אײַערע געצעלטן, צום לאַנד פון אײַער אייגנטום וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט אײַך געגעבן אויף יענער זייט יַרדן. [5] אָבער היט זייער צו טאָן דאָס געבאָט, און די תורה, וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט אײַך געבאָטן, ליב צו האָבן יהוה אײַער גאָט, און צו גיין אין אַלע זיינע וועגן, און צו היטן זיינע געבאָט, און זיך צו באַהעפטן אָן אים, און אים צו דינען מיט אײַער גאַנצן האַרצן, און מיט אײַער גאַנצער זעל.

[6] און יהושֻעַ האָט זיי געבענטשט, און האָט זיי אַוועקגעשיקט, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען צו זייערע געצעלטן.

[7] און צו אַ האַלבן שבט מנשה האָט משה געגעבן אין בָשָן; נאָר צום אַנדער האַלבן האָט יהושֻעַ געגעבן מיט זייערע ברידער אויף דער זייט יַרדן צו מערב. און אַז יהושֻעַ האָט זיי אַוועקגעשיקט צו זייערע געצעלטן, האָט ער זיי אויך געבענטשט, [8] און ער האָט צו זיי געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: מיט פיל גוטס קערט אײַך אום צו אײַערע געצעלטן, און מיט זייער

פיל פי, מיט זילבער, און מיט גאָלד, און מיט קופּער, און מיט אײַזן, און מיט קליידער זייער פיל; צעטיילט דעם רויב פון אײַערע פיינט מיט אײַערע ברידער.

[9] האָבן די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון גָד, און דער האַלבער שבט מנשה, זיך אומגעקערט, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען פון די קינדער פון ישׂראל, פון שילו וואָס אין לאַנד כנַעַן, צו גיין קיין לאַנד גִלעָד, צום לאַנד פון זייער אייגנטום, וואָס זיי האָבן זיך דערין באַזעצט לויט דעם מויל פון גאָט דורך משהן. [10] און אַז זיי זיינען געקומען צו די געגנטן פון יַרדן וואָס אין לאַנד כנַעַן, האָבן די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון גָד, און דער האַלבער שבט מנשה, דאָרטן געבויט אַ מזבח ביים יַרדן, אַ גרויסן מזבח אויף אָנצוקוקן.

[11] האָבן די קינדער פון ישׂראל געהערט, אַזוי צו זאָגן: זעט, די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון גָד, און דער האַלבער שבט מנשה, האָבן געבויט אַ מזבח אַנטקעגן לאַנד כנַעַן, אין די געגנטן פון יַרדן, צו דער זייט פון די קינדער פון ישׂראל. [12] און ווי די קינדער פון ישׂראל האָבן דערהערט, אַזוי האָט די גאַנצע עדה פון די קינדער פון ישׂראל זיך אײַנגעזאַמלט קיין שילו אַרויפֿצוגיין אַקעגן זיי אויף מלחמה. [13] און די קינדער פון ישׂראל האָבן געשיקט צו די קינדער פון ראובן, און צו די קינדער פון גָד, און צום האַלבן שבט מנשה, קיין לאַנד גִלעָד, פּינחס דעם זון פון אֶלעָזָר דעם כֹּהן, [14] און מיט אים צען פירשטן, צו איין פירשט, צו איין פירשט פון אַ פּאָטערהויז פון אַלע שבטים פון ישׂראל; און זיי זיינען איטלעכער געווען דער הויפּט פון זייער פּאָטערהויז ביי די טויזנטן פון ישׂראל. [15] און זיי זיינען געקומען צו די קינדער פון ראובן, און צו די קינדער פון גָד, און צום האַלבן שבט מנשה, קיין לאַנד גִלעָד, און זיי האָבן מיט זיי גערעדט, אַזוי צו זאָגן: [16] אַזוי האָט געזאָגט די גאַנצע עדה פון יהוה: וואָס איז די דאָזיקע פעלשונג וואָס איר האָט געפעלשט אָן דעם גאָט פון ישׂראל, זיך אָפּצוקערן היינט פון הינטער יהוה, מיט אײַער בויען פאַר זיך אַ מזבח, כּדי איר זאָלט היינט ווידערשפּעניקן אָן יהוה? [17] איז אונדז ווינציק די זינד פון פְּעוֹר, וואָס מיר האָבן זיך נאָך פון איר ניט גערייניקט ביז אויף היינטיקן טאָג, און [וואָס איבער איר] איז געווען אַ מגפה אויף דער עדה פון יהוה, [18] אַז איר קערט אײַך היינט אָפּ פון הינטער יהוה? און עס וועט זיין: איר וועט ווידערשפּעניקן היינט אָן יהוה, און מאָרגן וועט ער צערענען אויף דער גאַנצער עדה פון ישׂראל. [19] אויב ווידער דאָס לאַנד פון אײַער אייגנטום איז אומריין, קומט אײַך אַריבער אין דעם לאַנד פון יהוהס אייגנטום, וואָס דאָרטן רוט דער מִשכּן פון יהוה, און באַזעצט אײַך צווישן אונדז, נאָר אָן יהוה זאָלט איר ניט ווידערשפּעניקן, און אונדז זאָלט איר ניט ווידערשפּעניקן, מיט אײַער בויען פאַר זיך אַ מזבח, אַחוץ דעם מזבח פון יהוה אונדזער גאָט. [20] האָט ניט עָכָן דער זון פון זֶרחן געפעלשט אַ פעלשונג מיט דעם חרם, און אויף דער גאַנצער עדה פון ישׂראל איז געווען

וּבִנְחֹשֶׁת וּבְבַרְזֶל וּבִשְׂלָמוֹת הַרְבֵּה מְאֹד חִלְקוּ שְׁלַל־
ט אֹיְבֵיכֶם עִם־אֲחֵיכֶם׃ וַיָּשֻׁבוּ וַיֵּלְכוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־
גָד וַחֲצִי | שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה מֵאֵת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִשִּׁלֹה אֲשֶׁר
בְּאֶרֶץ־כְּנָעַן לָלֶכֶת אֶל־אֶרֶץ הַגִּלְעָד אֶל־אֶרֶץ אֲחֻזָּתָם
י אֲשֶׁר נֹאחֲזוּ־בָהּ עַל־פִּי יְהוָה בְּיַד־מֹשֶׁה׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־
גְּלִילוֹת הַיַּרְדֵּן אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ כְּנָעַן וַיִּבְנוּ בְנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־
גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה שָׁם מִזְבֵּחַ עַל־הַיַּרְדֵּן מִזְבֵּחַ גָּדוֹל
יא לְמַרְאֶה׃ וַיִּשְׁמְעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הִנֵּה בָנוּ בְנֵי־רְאוּבֵן
וּבְנֵי־גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה אֶת־הַמִּזְבֵּחַ אֶל־מוּל אֶרֶץ
יב כְּנַעַן אֶל־גְּלִילוֹת הַיַּרְדֵּן אֶל־עֵבֶר בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁמְעוּ
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּקָּהֲלוּ כָּל־עֲדַת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שִׁלֹה לַעֲלוֹת
יג עֲלֵיהֶם לַצָּבָא׃ וַיִּשְׁלְחוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־בְּנֵי־רְאוּבֵן
וְאֶל־בְּנֵי־גָד וְאֶל־חֲצִי שֵׁבֶט־מְנַשֶּׁה אֶל־אֶרֶץ הַגִּלְעָד אֶת־
יד פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן׃ וַעֲשָׂרָה נְשִׂאִים עִמּוֹ נָשִׂיא אֶחָד
נָשִׂיא אֶחָד לְבֵית אָב לְכֹל מַטּוֹת יִשְׂרָאֵל וְאִישׁ רֹאשׁ
טו בֵּית־אֲבוֹתָם הֵמָּה לְאַלְפֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־בְּנֵי־רְאוּבֵן
וְאֶל־בְּנֵי־גָד וְאֶל־חֲצִי שֵׁבֶט־מְנַשֶּׁה אֶל־אֶרֶץ הַגִּלְעָד וַיְדַבְּרוּ
טז אִתָּם לֵאמֹר׃ כֹּה אָמְרוּ כֹּל | עֲדַת יְהוָה מָה־הַמַּעַל
הַזֶּה אֲשֶׁר מְעַלְתֶּם בֵּאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לָשׁוּב הַיּוֹם מֵאַחֲרֵי
יְהוָה בִּבְנוֹתְכֶם לָכֶם מִזְבֵּחַ לִמְרָדְכֶם הַיּוֹם בַּיהוָה׃
יז הַמְעַט־לָנוּ אֶת־עֲוֺן פְּעוֹר אֲשֶׁר לֹא־הִטַּהַרְנוּ מִמֶּנּוּ עַד
יח הַיּוֹם הַזֶּה וַיְהִי הַנֶּגֶף בַּעֲדַת יְהוָה׃ וְאַתֶּם תָּשֻׁבוּ הַיּוֹם
מֵאַחֲרֵי יְהוָה וְהָיָה אַתֶּם תִּמְרְדוּ הַיּוֹם בַּיהוָה וּמָחָר אֶל־
יט כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל יִקְצֹף׃ וְאַךְ אִם־טְמֵאָה אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם
עִבְרוּ לָכֶם אֶל־אֶרֶץ אֲחֻזַּת יְהוָה אֲשֶׁר שָׁכַן־שָׁם מִשְׁכַּן
יְהוָה וְהֵאָחֲזוּ בְּתוֹכֵנוּ וּבַיהוָה אַל־תִּמְרֹדוּ וְאֹתָנוּ אַל־
תִּמְרֹדוּ בִּבְנֹתְכֶם לָכֶם מִזְבֵּחַ מִבַּלְעֲדֵי מִזְבַּח יְהוָה
כ אֱלֹהֵינוּ׃ הֲלוֹא | עָכָן בֶּן־זֶרַח מָעַל מַעַל בַּחֵרֶם וְעַל־

כָּל־עֲדַת יִשְׂרָאֵל הָיָה קָצֶף וְהוּא אִישׁ אֶחָד לֹא גָוַע
בַּעֲוֺנוֹ׃ וַיַּעֲנוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד וַחֲצִי שֵׁבֶט הַמְנַשֶּׁה כא
וַיְדַבְּרוּ אֶת־רָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל׃ אֵל ׀ אֱלֹהִים ׀ יְהוָה כב
אֵל ׀ אֱלֹהִים ׀ יְהוָה הוּא יֹדֵעַ וְיִשְׂרָאֵל הוּא יֵדָע אִם־
בְּמֶרֶד וְאִם־בְּמַעַל בַּיהוָה אַל־תּוֹשִׁיעֵנוּ הַיּוֹם הַזֶּה׃ לִבְנוֹת כג
לָנוּ מִזְבֵּחַ לָשׁוּב מֵאַחֲרֵי יְהוָה וְאִם־לְהַעֲלוֹת עָלָיו עוֹלָה
וּמִנְחָה וְאִם־לַעֲשׂוֹת עָלָיו זִבְחֵי שְׁלָמִים יְהוָה הוּא יְבַקֵּשׁ׃
וְאִם־לֹא מִדְּאָגָה מִדָּבָר עָשִׂינוּ אֶת־זֹאת לֵאמֹר מָחָר כד
יֹאמְרוּ בְנֵיכֶם לְבָנֵינוּ לֵאמֹר מַה־לָּכֶם וְלַיהוָה אֱלֹהֵי
יִשְׂרָאֵל׃ וּגְבוּל נָתַן־יְהוָה בֵּינֵנוּ וּבֵינֵיכֶם בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־ כה
גָד אֶת־הַיַּרְדֵּן אֵין־לָכֶם חֵלֶק בַּיהוָה וְהִשְׁבִּיתוּ בְנֵיכֶם
אֶת־בָּנֵינוּ לְבִלְתִּי יְרֹא אֶת־יְהוָה׃ וַנֹּאמֶר נַעֲשֶׂה־נָּא לָנוּ כו
לִבְנוֹת אֶת־הַמִּזְבֵּחַ לֹא לְעוֹלָה וְלֹא לְזָבַח׃ כִּי עֵד הוּא כז
בֵּינֵינוּ וּבֵינֵיכֶם וּבֵין דֹּרוֹתֵינוּ אַחֲרֵינוּ לַעֲבֹד אֶת־עֲבֹדַת
יְהוָה לְפָנָיו בְּעֹלוֹתֵינוּ וּבִזְבָחֵינוּ וּבִשְׁלָמֵינוּ וְלֹא־יֹאמְרוּ
בְנֵיכֶם מָחָר לְבָנֵינוּ אֵין־לָכֶם חֵלֶק בַּיהוָה׃ וַנֹּאמֶר וְהָיָה כח
כִּי־יֹאמְרוּ אֵלֵינוּ וְאֶל־דֹּרֹתֵינוּ מָחָר וְאָמַרְנוּ רְאוּ אֶת־
תַּבְנִית מִזְבַּח יְהוָה אֲשֶׁר־עָשׂוּ אֲבוֹתֵינוּ לֹא לְעוֹלָה וְלֹא
לְזֶבַח כִּי־עֵד הוּא בֵּינֵינוּ וּבֵינֵיכֶם׃ חָלִילָה לָּנוּ מִמֶּנּוּ כט
לִמְרֹד בַּיהוָה וְלָשׁוּב הַיּוֹם מֵאַחֲרֵי יְהוָה לִבְנוֹת מִזְבֵּחַ
לְעֹלָה לְמִנְחָה וּלְזָבַח מִלְּבַד מִזְבַּח יְהוָה אֱלֹהֵינוּ אֲשֶׁר
לִפְנֵי מִשְׁכָּנוֹ׃ וַיִּשְׁמַע פִּינְחָס הַכֹּהֵן וּנְשִׂיאֵי הָעֵדָה ל
וְרָאשֵׁי אַלְפֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר אִתּוֹ אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר
דִּבְּרוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד וּבְנֵי מְנַשֶּׁה וַיִּיטַב בְּעֵינֵיהֶם׃
וַיֹּאמֶר פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן אֶל־בְּנֵי רְאוּבֵן וְאֶל־ לא
בְּנֵי־גָד וְאֶל־בְּנֵי מְנַשֶּׁה הַיּוֹם יָדַעְנוּ כִּי־בְתוֹכֵנוּ יְהוָה
אֲשֶׁר לֹא־מְעַלְתֶּם בַּיהוָה הַמַּעַל הַזֶּה אָז הִצַּלְתֶּם אֶת־
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִיַּד יְהוָה׃ וַיָּשָׁב פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר הַכֹּהֵן ׀ לב

דער צאָרן? און ניט יענער מאַן אַליין איז אומגעקומען פאַר זיין זינד.

21 האָבן געענטפערט די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון גָד, און דער האַלבער שבט מנשה, און זיי האָבן גערעדט צו די הויפּטלייט פון די טויזנטן פון ישׂראל: 22 דער גאָט פון געטער יהוה, דער גאָט פון געטער יהוה, ער ווייס, און ישׂראל, ער זאָל וויסן! אויב דאָס איז אין ווידערשפּעניקייט אָדער אויב אין פעלשונג אָן יהוה— זאָלסט אונדז ניט העלפן היינטיקן טאָג!— 23 אונדז צו בויען אַ מזבח כדי זיך אָפּצוקערן פון הינטער יהוה, אָדער אויב אויפצוברענגען אויף אים בראַנדאָפּפער און שפּייזאָפּפער, אָדער אויב צו מאַכן אויף אים פרידאָפּפער, זאָל יהוה אַליין אויפמאָנען! 24 און אויב מיר האָבן עס ניט געטאָן בלויז פון זאָרג וועגן אַ זאַך, אַזוי צו זאָגן: מאָרגן וועלן אײַערע קינדער זאָגן צו אונדזערע קינדער, אַזוי צו זאָגן: וואָס קערט איר אײַך אָן מיט יהוה דעם גאָט פון ישׂראל? 25 וואָרום אַ געמאַרק האָט יהוה געמאַכט צווישן אונדז און צווישן אײַך, קינדער פון ראובן, און קינדער פון גָד, דעם יַרדן; איר האָט ניט קיין חלק אין יהוה. און אײַערע קינדער וועלן שטערן אונדזערע קינדער—ניט צו פאָרכטן יהוה. 26 האָבן מיר געזאָגט: לאָמיר זיך אַקאָרשט באַוואָרענען צו בויען דעם מזבח, ניט פאַר בראַנדאָפּפער, און ניט פאַר שלאַכטאָפּפער; 27 נייערט ער זאָל זיין אַן עדות צווישן אונדז און צווישן אײַך, און צווישן אונדזערע דורות נאָך אונדז: צו דינען דעם דינסט פון יהוה פאַר אים מיט אונדזערע בראַנדאָפּפער, און מיט אונדזערע שלאַכטאָפּפער, און מיט אונדזערע פרידאָפּפער, און אײַערע קינדער זאָלן מאָרגן ניט זאָגן צו אונדזערע קינדער: איר האָט ניט קיין חלק אין יהוה. 28 און מיר האָבן געזאָגט: אויב עס וועט געשען, אַז זיי וועלן דאָס זאָגן צו אונדז אָדער צו אונדזערע דורות שפּעטער אַהין, וועלן מיר זאָגן: זעט דעם בוי פון דעם מזבח פון יהוה, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן געמאַכט, ניט פאַר בראַנדאָפּפער, און ניט פאַר שלאַכטאָפּפער; נייערט אַן עדות איז ער צווישן אונדז און צווישן אײַך. 29 חלילה אונדז צו ווידערשפּעניקן אָן יהוה, און זיך אָפּצוקערן היינט פון הינטער יהוה, צו בויען אַ מזבח פאַר בראַנדאָפּפער, פאַר שפּייזאָפּפער, און פאַר שלאַכטאָפּפער, אַחוץ דעם מזבח פון יהוה אונדזער גאָט, וואָס פאַר זיין מִשכּן!

30 און ווי פּינחס דער כּהן, און די פירשטן פון דער עדה, די הויפּטלייט פון די טויזנטן פון ישׂראל וואָס מיט אים, האָבן געהערט די ווערטער וואָס די קינדער פון ראובן, און די קינדער פון גָד, און די קינדער פון מנשה, האָבן גערעדט, איז דאָס ווױלגעפעלן אין זייערע אויגן. 31 און פּינחס דער זון פון אֶלעָזָר דעם כּהן האָט געזאָגט צו די קינדער פון ראובן, און צו די קינדער פון גָד, און צו די קינדער פון מנשה: היינט ווייסן מיר, אַז צווישן אונדז איז גאָט; וואָרום איר האָט ניט געפעלשט אָן גאָט דידאָזיקע פעלשונג; אַצונד האָט איר מציל געווען די קינדער פון ישׂראל פון דער האַנט פון גאָט.

32 און פּינחס דער זון פון אֶלעָזָר דעם כּהן, און די פירשטן, האָבן זיך אומגעקערט פון די קינדער פון

ראובן, און פון די קינדער פון גָד, פון לאַנד גלעָד, קיין לאַנד כּנַעַן צו די קינדער פון ישראל, און זיי האָבן זיי געבראַכט אַן ענטפער. [33] און דער ענטפער איז וווילגעפעלן אין די אויגן פון די קינדער פון ישראל און די קינדער פון ישראל האָבן געלויבט גאָט, און האָבן מער ניט גערעדט וועגן אַרויפגיין אַקעגן זיי אויף מלחמה, צו פאַרוויסטן דאָס לאַנד וואָס די קינדער פון ראובן און די קינדער פון גָד זיצן דערין.

[34] און די קינדער פון ראובן און די קינדער פון גָד האָבן גערופן דעם מזבח...... ווייל: „אַן עדות איז ער צווישן אונדז אַז יהוה איז גאָט".

## כג

[1] און עס איז געווען אין פיל טעג אַרום, נאָכדעם אַז גאָט האָט באַרוט ישראל פון אַלע זייערע פיינט פון רונד אַרום, און יהושע איז געוואָרן אַלט און באַטאָגט, [2] האָט יהושע גערופן גאַנץ ישראל, זייערע עלטסטע, און זייערע הויפּטלייט, און זייערע ריכטער, און זייערע אויפזעער, און האָט צו זיי געזאָגט: איך בין אַלט און באַטאָגט. [3] און איר האָט געזען אַלץ וואָס יהוה אייער גאָט האָט געטאָן צו אַלע דיזאָזיקע פעלקער פון אייערטוועגן; וואָרום יהוה אייער גאָט איז דער וואָס האָט מלחמה געהאַלטן פאַר אייך. [4] זעט, איך האָב אייך אויסגעוואָרפן דיזאָזיקע געבליבענע פעלקער פאַר אַ נחלה לויט אייערע שבטים; פון ירדן, מיט אַלע פעלקער וואָס איך האָב פאַרשניטן, און ביזן ים־הגדול צו זונאונטערגאַנג. [5] און יהוה אייער גאָט, ער וועט זיי אַרויסשטויסן פון פאַר אייך, און וועט זיי פאַרטרייבן פון אייער אַנגעזיכט, און איר וועט אַרבן זייער לאַנד, אַזוי ווי יהוה אייער גאָט האָט אייך צוגעזאָגט. [6] דרום זאָלט איר זיין זייער שטאַרק צו היטן און צו טאָן אַלץ וואָס שטייט געשריבן אין בוך פון תּורת־משה, זיך ניט אָפּצוקערן דערפון רעכטס אָדער לינקס, [7] ניט צו קומען צווישן דיזאָזיקע פעלקער, דיזאָזיקע וואָס זיינען געבליבן ביי אייך. און דעם נאָמען פון זייערע געטער זאָלט איר ניט דערמאָנען, און ניט לאָזן שווערן ביי זיי, און זיי ניט דינען, און זיך ניט בוקן צו זיי. [8] נאָר בלויז אָן יהוה אייער גאָט זאָלט איר אייך באַהעפטן, אַזוי ווי איר האָט געטאָן ביז היינטיקן טאָג, [9] וואָס דערפאַר האָט יהוה פאַרטריבן פון פאַר אייך גרויסע און מאַכטיקע פעלקער; און איר—קיינער איז ניט באַשטאַנען פאַר אייך ביז היינטיקן טאָג. [10] איין מאַן פון אייך האָט געיאָגט טויזנט; וואָרום יהוה אייער גאָט איז דער וואָס האָט מלחמה געהאַלטן פאַר אייך, אַזוי ווי ער האָט אייך צוגעזאָגט. [11] דרום זאָלט איר זייער היטן אייער זעל, ליב צו האָבן יהוה אייער גאָט. [12] וואָרום אויב אָפּקערן וועט איר אייך אָפּקערן, און איר וועט אייך

וְהַנְּשִׂיאִים מֵאֵת בְּנֵי־רְאוּבֵן וּמֵאֵת בְּנֵי־גָד מֵאֶרֶץ הַגִּלְעָד
לג אֶל־אֶרֶץ כְּנַעַן אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיָּשִׁבוּ אוֹתָם דָּבָר׃ וַיִּיטַב
הַדָּבָר בְּעֵינֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיְבָרְכוּ אֱלֹהִים בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא
אָמְרוּ לַעֲלוֹת עֲלֵיהֶם לַצָּבָא לְשַׁחֵת אֶת־הָאָרֶץ אֲשֶׁר בְּנֵי־
לד רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד יֹשְׁבִים בָּהּ׃ וַיִּקְרְאוּ בְּנֵי־רְאוּבֵן וּבְנֵי־גָד
לַמִּזְבֵּחַ כִּי עֵד הוּא בֵּינֹתֵינוּ כִּי יְהוָה הָאֱלֹהִים׃

כג

א וַיְהִי מִיָּמִים רַבִּים אַחֲרֵי אֲשֶׁר־הֵנִיחַ יְהוָה לְיִשְׂרָאֵל מִכָּל־
ב אֹיְבֵיהֶם מִסָּבִיב וִיהוֹשֻׁעַ זָקֵן בָּא בַּיָּמִים׃ וַיִּקְרָא יְהוֹשֻׁעַ
לְכָל־יִשְׂרָאֵל לִזְקֵנָיו וּלְרָאשָׁיו וּלְשֹׁפְטָיו וּלְשֹׁטְרָיו וַיֹּאמֶר
ג אֲלֵהֶם אֲנִי זָקַנְתִּי בָּאתִי בַּיָּמִים׃ וְאַתֶּם רְאִיתֶם אֵת כָּל־
אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לְכָל־הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִפְּנֵיכֶם
ד כִּי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם הוּא הַנִּלְחָם לָכֶם׃ רְאוּ הִפַּלְתִּי לָכֶם
אֶת־הַגּוֹיִם הַנִּשְׁאָרִים הָאֵלֶּה בְּנַחֲלָה לְשִׁבְטֵיכֶם מִן־הַיַּרְדֵּן
וְכָל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הִכְרַתִּי וְהַיָּם הַגָּדוֹל מְבוֹא הַשָּׁמֶשׁ׃
ה וַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם הוּא יֶהְדֳּפֵם מִפְּנֵיכֶם וְהוֹרִישׁ אֹתָם
מִלִּפְנֵיכֶם וִירִשְׁתֶּם אֶת־אַרְצָם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
ו לָכֶם׃ וַחֲזַקְתֶּם מְאֹד לִשְׁמֹר וְלַעֲשׂוֹת אֵת כָּל־הַכָּתוּב
בְּסֵפֶר תּוֹרַת מֹשֶׁה לְבִלְתִּי סוּר־מִמֶּנּוּ יָמִין וּשְׂמֹאול׃
ז לְבִלְתִּי־בוֹא בַּגּוֹיִם הָאֵלֶּה הַנִּשְׁאָרִים הָאֵלֶּה אִתְּכֶם
וּבְשֵׁם אֱלֹהֵיהֶם לֹא־תַזְכִּירוּ וְלֹא תַשְׁבִּיעוּ וְלֹא תַעַבְדוּם
ח וְלֹא תִשְׁתַּחֲווּ לָהֶם׃ כִּי אִם־בַּיהוָה אֱלֹהֵיכֶם תִּדְבָּקוּ
ט כַּאֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיּוֹרֶשׁ יְהוָה מִפְּנֵיכֶם
גּוֹיִם גְּדֹלִים וַעֲצוּמִים וְאַתֶּם לֹא־עָמַד אִישׁ בִּפְנֵיכֶם עַד
י הַיּוֹם הַזֶּה׃ אִישׁ־אֶחָד מִכֶּם יִרְדָּף־אָלֶף כִּי ׀ יְהוָה
יא אֱלֹהֵיכֶם הוּא הַנִּלְחָם לָכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם׃ וְנִשְׁמַרְתֶּם
יב מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם לְאַהֲבָה אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ כִּי ׀ אִם־

כג, ז׳ יתיר ו׳

שׁוֹב תָּשׁוּבוּ וּדְבַקְתֶּם בְּיֶתֶר הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה הַנִּשְׁאָרִים
הָאֵלֶּה אִתְּכֶם וְהִתְחַתַּנְתֶּם בָּהֶם וּבָאתֶם בָּהֶם וְהֵם בָּכֶם׃
יָדוֹעַ תֵּדְעוּ כִּי לֹא יוֹסִיף יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לְהוֹרִישׁ אֶת־ יג
הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה מִלִּפְנֵיכֶם וְהָיוּ לָכֶם לְפַח וּלְמוֹקֵשׁ וּלְשֹׁטֵט
בְּצִדֵּיכֶם וְלִצְנִנִים בְּעֵינֵיכֶם עַד אֲבָדְכֶם מֵעַל הָאֲדָמָה
הַטּוֹבָה הַזֹּאת אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְהִנֵּה יד
אָנֹכִי הוֹלֵךְ הַיּוֹם בְּדֶרֶךְ כָּל־הָאָרֶץ וִידַעְתֶּם בְּכָל־לְבַבְכֶם
וּבְכָל נַפְשְׁכֶם כִּי לֹא־נָפַל דָּבָר אֶחָד מִכֹּל ׀ הַדְּבָרִים
הַטּוֹבִים אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם עֲלֵיכֶם הַכֹּל בָּאוּ לָכֶם
לֹא־נָפַל מִמֶּנּוּ דָּבָר אֶחָד׃ וְהָיָה כַּאֲשֶׁר־בָּא עֲלֵיכֶם כָּל־ טו
הַדָּבָר הַטּוֹב אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲלֵיכֶם כֵּן יָבִיא
יְהוָה עֲלֵיכֶם אֵת כָּל־הַדָּבָר הָרָע עַד־הַשְׁמִידוֹ אוֹתְכֶם
מֵעַל הָאֲדָמָה הַטּוֹבָה הַזֹּאת אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם יְהוָה
אֱלֹהֵיכֶם׃ בְּעָבְרְכֶם אֶת־בְּרִית יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר צִוָּה טז
אֶתְכֶם וַהֲלַכְתֶּם וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם
לָהֶם וְחָרָה אַף־יְהוָה בָּכֶם וַאֲבַדְתֶּם מְהֵרָה מֵעַל הָאָרֶץ
הַטּוֹבָה אֲשֶׁר נָתַן לָכֶם׃

## כד

וַיֶּאֱסֹף יְהוֹשֻׁעַ אֶת־כָּל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל שְׁכֶמָה וַיִּקְרָא א
לְזִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וּלְרָאשָׁיו וּלְשֹׁפְטָיו וּלְשֹׁטְרָיו וַיִּתְיַצְּבוּ לִפְנֵי
הָאֱלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־כָּל־הָעָם כֹּה־אָמַר יְהוָה ב
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַנָּהָר יָשְׁבוּ אֲבוֹתֵיכֶם מֵעוֹלָם תֶּרַח
אֲבִי אַבְרָהָם וַאֲבִי נָחוֹר וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃ וָאֶקַּח ג
אֶת־אֲבִיכֶם אֶת־אַבְרָהָם מֵעֵבֶר הַנָּהָר וָאוֹלֵךְ אוֹתוֹ בְּכָל־
אֶרֶץ כְּנָעַן וָאַרְבֶּ* אֶת־זַרְעוֹ וָאֶתֶּן־לוֹ אֶת־יִצְחָק׃ וָאֶתֵּן ד
לְיִצְחָק אֶת־יַעֲקֹב וְאֶת־עֵשָׂו וָאֶתֵּן לְעֵשָׂו אֶת־הַר שֵׂעִיר
לָרֶשֶׁת אוֹתוֹ וְיַעֲקֹב וּבָנָיו יָרְדוּ מִצְרָיִם׃ וָאֶשְׁלַח אֶת־ ה

כד, ג׳ וארבה ק

באַהעפטן אָן דעם רעשט פון דידאָזיקע פעלקער, די דאָזיקע וואָס זיינען געבליבן ביי אַייך, און איר וועט זיך מתחתן זיין מיט זיי, און איר וועט קומען צווישן זיי, און זיי צווישן אַייך, 13 וויסן זאָלט איר וויסן זיין, אַז יהוה אַייער גאָט וועט מער ניט פאַרטרייבן דידאָזיקע פעלקער פון פאַר אַייך, און זיי וועלן אַייך זיין פאַר אַ נעץ און פאַר אַ שטרויכלונג, און פאַר אַ רוט אין אַייערע זייטן, און פאַר שטעכערס אין אַייערע אויגן, ביז איר וועט אונטערגיין פון דערדאָזיקער גוטער ערד וואָס יהוה אַייער גאָט האָט אַייך געגעבן. 14 און אָט גיי איך די טעג אויף דעם וועג פון דער גאַנצער ערד; דרום זאָלט איר וויסן מיט אַייער גאַנצן האַרצן, און מיט אַייער גאַנצער זעל, אַז ניט אַן איינציק וואָרט איז אָפּגעפאַלן פון די אַלע גוטע צוזאָגן וואָס יהוה אַייער גאָט האָט צוגעזאָגט וועגן אַייך; אַלע זיינען אַייך אָנגעקומען; ניט אַן איינציק וואָרט דערפון איז אָפּגעפאַלן. 15 און עס וועט זיין, אַזוי ווי אַייך איז אָנגעקומען אַלדער גוטער צוזאָג וואָס יהוה אַייער גאָט האָט אַייך צוגעזאָגט, אַזוי וועט יהוה ברענגען אויף אַייך אַלדעם שלעכטן אָנזאָג, ביז ער וועט אַייך פאַרטיליקן פון דער־דאָזיקער גוטער ערד וואָס יהוה אַייער גאָט האָט אַייך געגעבן. 16 אַז איר וועט איבערטרעטן דעם בונד פון יהוה אַייער גאָט, וואָס ער האָט אַייך באַפוילן, און איר וועט גיין און דינען פרעמדע געטער, און זיך בוקן צו זיי, וועט גרימען דער צאָרן פון יהוה אויף אַייך, און איר וועט גיך אונטערגיין פון דעם גוטן לאַנד וואָס ער האָט אַייך געגעבן.

כד 1 און יהושוע האָט איינגעזאַמלט אַלע שבטים פון ישראל קיין שכם, און ער האָט גערופן די עלטסטע פון ישראל, און זייערע הויפּטלייט, און זייערע ריכטער, און זייערע אויפזעער; און זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר גאָט. 2 און יהושוע האָט געזאָגט צום גאַנצן פאָלק: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: אויף יענער זייט טייך זיינען געזעסן אַייערע עלטערן פון אייביק אָן, תרח דער פאָטער פון אַברהמען, און דער פאָטער פון נחורן; און זיי האָבן געדינט פרעמדע געטער. 3 און איך האָב גענומען אַייער פאָטער אַברהמען פון יענער זייט טייך, און האָב אים דורכגעפירט דורך גאַנץ לאַנד כנען; און איך האָב געמערט זיין זאָמען, און אים געגעבן יצחקן. 4 און איך האָב געגעבן צו יצחקן יעקבן און עשון; און איך האָב געגעבן עשון דעם באַרג שעיר אים צו אַרבן; און יעקב און זיינע קינדער האָבן געניִדערט קיין מצרים. 5 און איך האָב געשיקט משהן און אַהרנען, און האָב געפּלאָגט מצרים, לויט וואָס איך האָב געטאָן

צווישן זיי, און דערנאָך האָב איך אײַך אַרויסגעצויגן. [6] און איך האָב אַרויסגעצויגן אײַערע עלטערן פֿון מִצרַיִם, און איר זײַט געקומען צום ים, און די מִצרים האָבן נאָכגעיאָגט אײַערע עלטערן מיט רײַטוועגן און מיט רײַטער ביזן ים־סוף. [7] און זיי האָבן געשריען צו גאָט, און ער האָט געמאַכט אַ פֿינצטערניש צווישן אײַך און צווישן די מִצרים, און געבראַכט אויף זיי דעם ים, און זיי צוגעדעקט; און אײַערע אויגן האָבן געזען וואָס איך האָב געטאָן מיט מִצרַיִם. און איר זײַט געבליבן אין מדבר פֿיל טעג. [8] און איך האָב אײַך געבראַכט אין לאַנד פֿון דעם אֶמוֹרי וואָס זיצט אויף יענער זײַט יַרדן, און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט אײַך, און איך האָב זיי געגעבן אין אײַער האַנט, און איר האָט געאַרבט זייער לאַנד, און איך האָב זיי פֿאַרטיליקט פֿון פֿאַר אײַך. [9] איז אויפֿגעשטאַנען בָּלָק דער זון פֿון צִפּורן, דער מלך פֿון מואָב, און האָט מלחמה געהאַלטן אַקעגן ישׂראל; און ער האָט געשיקט און גערופֿן בִּלעָם דעם זון פֿון בְּעורן, אײַך צו שילטן. [10] אָבער איך האָב ניט געוואָלט צוהערן צו בִּלעָמען, און בענטשן האָט ער אײַך געבענטשט; און איך האָב אײַך מציל געווען פֿון זײַן האַנט. [11] און איר זײַט אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדן, און איר זײַט געקומען צו יריחו, און עס האָבן מלחמה געהאַלטן אַקעגן אײַך די מענער פֿון יריחו, דער אֶמוֹרי, און דער פּרִזי, און דער כּנַעֲני, און דער חִתּי, און דער גִרגָשי, דער חִוי, און דער יבוסי; און איך האָב זיי געגעבן אין אײַער האַנט. [12] און איך האָב געשיקט אײַך פֿאַרויס די האָרנבין, און זי האָט זיי פֿאַרטריבן פֿון פֿאַר אײַך, די צוויי מלכים פֿון אֶמוֹרי; ניט מיט דײַן שווערד, און ניט מיט דײַן בויגן. [13] און איך האָב אײַך געגעבן אַ לאַנד וואָס דו האָסט זיך דערויף ניט געמיט, און שטעט וואָס איר האָט ניט געבויט, און איר האָט זיך אין זיי באַזעצט; ווײַנגערטנער און אײלבערטגערטנער וואָס איר האָט ניט געפֿלאַנצט, עסט איר. [14] און אַצונד, האָט מורא פֿאַר יהוה, און דינט אים מיט גאַנצקייט און מיט אמת; און טוט אָפּ די געטער וואָס אײַערע עלטערן האָבן געדינט, אויף יענער זײַט טײַך, און אין מִצרַיִם, און דינט יהוה. [15] און אויב עס איז שלעכט אין אײַערע אויגן צו דינען יהוה, וויילט אײַך אויס הײַנט וועמען איר ווילט דינען, ענטוועדער די געטער וואָס אײַערע עלטערן האָבן געדינט אויף יענער זײַט טײַך, אָדער די געטער פֿון דעם אֶמוֹרי, וואָס איר זיצט אין זייער לאַנד; און איך און מײַן הויזגעזינט וועלן דינען יהוה.

[16] האָט געענטפֿערט דאָס פֿאָלק און האָט געזאָגט: חלילה אונדז צו פֿאַרלאָזן יהוה, כּדי צו דינען פֿרעמדע געטער! [17] וואָרום יהוה אונדזער גאָט איז דער וואָס האָט אויפֿגעבראַכט אונדז און אונדזערע עלטערן פֿון לאַנד מִצרַיִם,

מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן וָאֶגֹּף אֶת־מִצְרַיִם כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי בְּקִרְבּוֹ
ו וְאַחַר הוֹצֵאתִי אֶתְכֶם׃ וָאוֹצִיא אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם מִמִּצְרַיִם
וַתָּבֹאוּ הַיָּמָּה וַיִּרְדְּפוּ מִצְרַיִם אַחֲרֵי אֲבוֹתֵיכֶם בְּרֶכֶב
ז וּבְפָרָשִׁים יַם־סוּף׃ וַיִּצְעֲקוּ אֶל־יְהוָה וַיָּשֶׂם מַאֲפֵל
בֵּינֵיכֶם ׀ וּבֵין הַמִּצְרִים וַיָּבֵא עָלָיו אֶת־הַיָּם וַיְכַסֵּהוּ
וַתִּרְאֶינָה עֵינֵיכֶם אֵת אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי בְּמִצְרָיִם וַתֵּשְׁבוּ
ח בַמִּדְבָּר יָמִים רַבִּים׃ וָאָבִיאָה אֶתְכֶם אֶל־אֶרֶץ הָאֱמֹרִי
הַיּוֹשֵׁב בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן וַיִּלָּחֲמוּ אִתְּכֶם וָאֶתֵּן אוֹתָם בְּיֶדְכֶם
ט וַתִּירְשׁוּ אֶת־אַרְצָם וָאַשְׁמִידֵם מִפְּנֵיכֶם׃ וַיָּקָם בָּלָק בֶּן־
צִפּוֹר מֶלֶךְ מוֹאָב וַיִּלָּחֶם בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁלַח וַיִּקְרָא לְבִלְעָם
י בֶן־בְּעוֹר לְקַלֵּל אֶתְכֶם׃ וְלֹא אָבִיתִי לִשְׁמֹעַ לְבִלְעָם וַיְבָרֶךְ
יא בָּרוֹךְ אֶתְכֶם וָאַצִּל אֶתְכֶם מִיָּדוֹ׃ וַתַּעַבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן
וַתָּבֹאוּ אֶל־יְרִיחוֹ וַיִּלָּחֲמוּ בָכֶם בַּעֲלֵי־יְרִיחוֹ הָאֱמֹרִי
וְהַפְּרִזִּי וְהַכְּנַעֲנִי וְהַחִתִּי וְהַגִּרְגָּשִׁי הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי וָאֶתֵּן
יב אוֹתָם בְּיֶדְכֶם׃ וָאֶשְׁלַח לִפְנֵיכֶם אֶת־הַצִּרְעָה וַתְּגָרֶשׁ
אוֹתָם מִפְּנֵיכֶם שְׁנֵי מַלְכֵי הָאֱמֹרִי לֹא בְחַרְבְּךָ וְלֹא
יג בְקַשְׁתֶּךָ׃ וָאֶתֵּן לָכֶם אֶרֶץ ׀ אֲשֶׁר לֹא־יָגַעְתָּ בָּהּ וְעָרִים
אֲשֶׁר לֹא־בְנִיתֶם וַתֵּשְׁבוּ בָּהֶם כְּרָמִים וְזֵיתִים אֲשֶׁר לֹא־
יד נְטַעְתֶּם אַתֶּם אֹכְלִים׃ וְעַתָּה יְראוּ אֶת־יְהוָה וְעִבְדוּ אֹתוֹ
בְּתָמִים וּבֶאֱמֶת וְהָסִירוּ אֶת־אֱלֹהִים אֲשֶׁר עָבְדוּ אֲבוֹתֵיכֶם
טו בְּעֵבֶר הַנָּהָר וּבְמִצְרַיִם וְעִבְדוּ אֶת־יְהוָה׃ וְאִם רַע
בְּעֵינֵיכֶם לַעֲבֹד אֶת־יְהוָה בַּחֲרוּ לָכֶם הַיּוֹם אֶת־מִי
תַעֲבֹדוּן אִם אֶת־אֱלֹהִים אֲשֶׁר־עָבְדוּ אֲבוֹתֵיכֶם אֲשֶׁר
בְּעֵבֶר הַנָּהָר וְאִם אֶת־אֱלֹהֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר אַתֶּם יֹשְׁבִים
טז בְּאַרְצָם וְאָנֹכִי וּבֵיתִי נַעֲבֹד אֶת־יְהוָה׃ וַיַּעַן הָעָם וַיֹּאמֶר
יז חָלִילָה לָּנוּ מֵעֲזֹב אֶת־יְהוָה לַעֲבֹד אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃ כִּי
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ הוּא הַמַּעֲלֶה אֹתָנוּ וְאֶת־אֲבוֹתֵינוּ מֵאֶרֶץ

ח׳ ואביא ק׳   יד׳ אי נחה   טו׳ מעבר ק׳

מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים וַאֲשֶׁר עָשָׂה לְעֵינֵינוּ אֶת־הָאֹתוֹת
הַגְּדֹלוֹת הָאֵלֶּה וַיִּשְׁמְרֵנוּ בְּכָל־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלַכְנוּ בָהּ
יח וּבְכֹל הָעַמִּים אֲשֶׁר עָבַרְנוּ בְּקִרְבָּם׃ וַיְגָרֶשׁ יְהוָה אֶת־
כָּל־הָעַמִּים וְאֶת־הָאֱמֹרִי יֹשֵׁב הָאָרֶץ מִפָּנֵינוּ גַּם־אֲנַחְנוּ
יט נַעֲבֹד אֶת־יְהוָה כִּי־הוּא אֱלֹהֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם
לֹא תוּכְלוּ לַעֲבֹד אֶת־יְהוָה כִּי־אֱלֹהִים קְדֹשִׁים הוּא אֵל־
כ קַנּוֹא הוּא לֹא־יִשָּׂא לְפִשְׁעֲכֶם וּלְחַטֹּאותֵיכֶם׃ כִּי תַעַזְבוּ
אֶת־יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהֵי נֵכָר וְשָׁב וְהֵרַע לָכֶם וְכִלָּה
כא אֶתְכֶם אַחֲרֵי אֲשֶׁר־הֵיטִיב לָכֶם׃ וַיֹּאמֶר הָעָם אֶל־יְהוֹשֻׁעַ
כב לֹא כִּי אֶת־יְהוָה נַעֲבֹד׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־הָעָם עֵדִים
אַתֶּם בָּכֶם כִּי־אַתֶּם בְּחַרְתֶּם לָכֶם אֶת־יְהוָה לַעֲבֹד אוֹתוֹ
כג וַיֹּאמְרוּ עֵדִים׃ וְעַתָּה הָסִירוּ אֶת־אֱלֹהֵי הַנֵּכָר אֲשֶׁר
בְּקִרְבְּכֶם וְהַטּוּ אֶת־לְבַבְכֶם אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃
כד וַיֹּאמְרוּ הָעָם אֶל־יְהוֹשֻׁעַ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ נַעֲבֹד וּבְקוֹלוֹ
כה נִשְׁמָע׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹשֻׁעַ בְּרִית לָעָם בַּיּוֹם הַהוּא וַיָּשֶׂם לוֹ
כו חֹק וּמִשְׁפָּט בִּשְׁכֶם׃ וַיִּכְתֹּב יְהוֹשֻׁעַ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה
בְּסֵפֶר תּוֹרַת אֱלֹהִים וַיִּקַּח אֶבֶן גְּדוֹלָה וַיְקִימֶהָ שָּׁם תַּחַת
כז הָאַלָּה אֲשֶׁר בְּמִקְדַּשׁ יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשֻׁעַ אֶל־
כָּל־הָעָם הִנֵּה הָאֶבֶן הַזֹּאת תִּהְיֶה־בָּנוּ לְעֵדָה כִּי־הִיא
שָׁמְעָה אֵת כָּל־אִמְרֵי יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר עִמָּנוּ וְהָיְתָה
כח בָכֶם לְעֵדָה פֶּן־תְּכַחֲשׁוּן בֵּאלֹהֵיכֶם׃ וַיְשַׁלַּח יְהוֹשֻׁעַ
כט אֶת־הָעָם אִישׁ לְנַחֲלָתוֹ׃ וַיְהִי אַחֲרֵי הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה
וַיָּמָת יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן עֶבֶד יְהוָה בֶּן־מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים׃
ל וַיִּקְבְּרוּ אוֹתוֹ בִּגְבוּל נַחֲלָתוֹ בְּתִמְנַת־סֶרַח אֲשֶׁר בְּהַר־
לא אֶפְרָיִם מִצְּפוֹן לְהַר־גָּעַשׁ׃ וַיַּעֲבֹד יִשְׂרָאֵל אֶת־יְהוָה כֹּל
יְמֵי יְהוֹשֻׁעַ וְכֹל ׀ יְמֵי הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר הֶאֱרִיכוּ יָמִים
אַחֲרֵי יְהוֹשֻׁעַ וַאֲשֶׁר יָדְעוּ אֵת כָּל־מַעֲשֵׂה יְהוָה אֲשֶׁר

יט׳ מלא ו

פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט, און וואָס האָט געטאָן פאַר אונדזערע אויגן דידאָזיקע גרויסע צייכנס, און האָט אונדז אָפּגעהיט אויף דעם גאַנצן וועג וואָס מיר זײַנען געגאַנגען אויף אים, און צווישן אַלע פעלקער וואָס מיר זײַנען דורכגעגאַנגען דורך זיי. 18 און יהוה האָט פאַרטריבן פון פאַר אונדז אַלע פעלקער, און דעם אֱמוֹרי, דעם באַוווינער פון לאַנד; דרום וועלן מיר אויך דינען יהוה, וואָרום ער איז אונדזער גאָט.

19 האָט יהושע געזאָגט צום פאָלק: איר וועט ניט קענען דינען יהוה, וואָרום אַ הייליקער גאָט איז ער, אַ צערנדיקער גאָט איז ער; ער וועט ניט פאַרגעבן אײַער פאַרברעך און אײַער זינד. 20 אויב איר וועט פאַרלאָזן יהוה, און וועט דינען פרעמדע געטער, וועט ער זיך קערן און וועט אײַך שלעכטס טאָן, און וועט אײַך פאַרלענדן, נאָכדעם ווי ער האָט אײַך גוטס געטאָן.

21 האָט דאָס פאָלק געזאָגט צו יהושוען: ניין, נייערט יהוה וועלן מיר דינען.

22 האָט יהושע געזאָגט צום פאָלק: איר זײַט עדות קעגן אײַך אַליין, אַז איר האָט אײַך אויסדערוויילט יהוה, אים צו דינען.–און זיי האָבן געזאָגט: עדות!–23 און אַצונד טוט אָפּ די פרעמדע געטער וואָס צווישן אײַך, און נייגט אײַער האַרץ צו יהוה דעם גאָט פון ישראל.

24 האָט דאָס פאָלק געזאָגט צו יהושוען: יהוה אונדזער גאָט וועלן מיר דינען, און צו זײַן קָול וועלן מיר צוהערן.

25 און יהושע האָט געשלאָסן אַ בונד מיטן פאָלק אין יענעם טאָג, און ער האָט זיי געמאַכט חוקים און געזעצן אין שכם. 26 און יהושע האָט אויפגעשריבן דידאָזיקע ווערטער אין בוך פון גאָטס תּורה; און ער האָט גענומען אַ גרויסן שטיין, און האָט אים דאָרטן אויפגעשטעלט אונטער דעם אייכנבוים וואָס ביים הייליקטום פון גאָט. 27 און יהושע האָט געזאָגט צום גאַנצן פאָלק: אָט דערדאָזיקער שטיין זאָל זײַן פאַר אַן עדות אַקעגן אונדז, וואָרום ער האָט געהערט אַלע ווערטער פון יהוה, וואָס ער האָט מיט אונדז גערעדט; און ער וועט זײַן פאַר אַן עדות אַקעגן אײַך, טאָמער וועט איר לייקענען אָן אײַער גאָט.

28 און יהושע האָט פאַנאַנדערגעשיקט דאָס פאָלק, איטלעכן צו זײַן נחלה.

29 און עס איז געווען נאָך דידאָזיקע געשעענישן, איז געשטאָרבן יהושע דער זון פון נון, דער קנעכט פון גאָט, צו הונדערט מיט צען יאָר. 30 און מע האָט אים באַגראָבן אין דעם געמאַרק פון זײַן נחלה, אין תִּמנת־סֶרח וואָס אין דעם געבערג פון אפרים, אין צפון פון באַרג גַעש.

31 און ישראל האָט געדינט גאָט אַלע טעג פון יהושוען, און אַלע טעג פון די זקנים וואָס האָבן מַאריך־יָמים געווען נאָך יהושוען, און וואָס האָבן געוווּסט אַלדי טואונג פון גאָט, וואָס ער האָט געטאָן פאַר ישראל.

32 און די ביינער פון יוסֵפן, וואָס די קינדער פון
ישׂראל האָבן אויפגעבראַכט פון מִצרַיִם, האָבן זיי באַ־
גראָבן אין שכֶם, אויף דעם שטיק פעלד וואָס יעקב האָט
געקויפט פון די זין פון חֲמוֹר, דעם פאָטער פון שכֶמען,
פאַר הונדערט קשׂיטָה; און עס איז געוואָרן די קינדער
פון יוסף פאַר אַ נחלה.

לב עָשָׂה לְיִשְׂרָאֵל׃ וְאֶת־עַצְמוֹת יוֹסֵף אֲשֶׁר־הֶעֱלוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל ׀ מִמִּצְרַיִם קָבְרוּ בִשְׁכֶם בְּחֶלְקַת הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר
קָנָה יַעֲקֹב מֵאֵת בְּנֵי־חֲמוֹר אֲבִי־שְׁכֶם בְּמֵאָה קְשִׂיטָה
לג וַיִּהְיוּ לִבְנֵי־יוֹסֵף לְנַחֲלָה׃ וְאֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן מֵת וַיִּקְבְּרוּ
אֹתוֹ בְּגִבְעַת פִּינְחָס בְּנוֹ אֲשֶׁר נִתַּן־לוֹ בְּהַר אֶפְרָיִם׃

33 און אֶלעָזָר דער זון פון אַהרֹנען איז געשטאָרבן, און מע האָט אים באַגראָבן אויף דעם בערגל פון זיין זון פינחסן,
וואָס איז אים געגעבן געוואָרן אין דעם געבערג פון אפרים.

# חזק

סכום הפסוקים של יהושע שש מאות וחמשים וששה. ותרן לשון
אלם סימן: וחציו. ומחשבון עד רמת המצפה: וסדריו ארבעה
עשר. היתה עלי יד יי׳ סימן:

# שׁוֹפְטִים

וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת יְהוֹשֻׁעַ וַיִּשְׁאֲלוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בַּיהוָה לֵאמֹר א
מִי יַעֲלֶה־לָּנוּ אֶל־הַכְּנַעֲנִי בַּתְּחִלָּה לְהִלָּחֶם בּוֹ׃ וַיֹּאמֶר ב
יְהוָה יְהוּדָה יַעֲלֶה הִנֵּה נָתַתִּי אֶת־הָאָרֶץ בְּיָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר ג
יְהוּדָה לְשִׁמְעוֹן אָחִיו עֲלֵה אִתִּי בְגוֹרָלִי וְנִלָּחֲמָה בַּכְּנַעֲנִי
וְהָלַכְתִּי גַם־אֲנִי אִתְּךָ בְּגוֹרָלֶךָ וַיֵּלֶךְ אִתּוֹ שִׁמְעוֹן׃ וַיַּעַל ד
יְהוּדָה וַיִּתֵּן יְהוָה אֶת־הַכְּנַעֲנִי וְהַפְּרִזִּי בְּיָדָם וַיַּכּוּם בְּבֶזֶק
עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים אִישׁ׃ וַיִּמְצְאוּ אֶת־אֲדֹנִי בֶזֶק בְּבֶזֶק וַיִּלָּחֲמוּ ה
בּוֹ וַיַּכּוּ אֶת־הַכְּנַעֲנִי וְאֶת־הַפְּרִזִּי׃ וַיָּנָס אֲדֹנִי בֶזֶק וַיִּרְדְּפוּ ו
אַחֲרָיו וַיֹּאחֲזוּ אוֹתוֹ וַיְקַצְּצוּ אֶת־בְּהֹנוֹת יָדָיו וְרַגְלָיו׃ וַיֹּאמֶר ז
אֲדֹנִי־בֶזֶק שִׁבְעִים ׀ מְלָכִים בְּהֹנוֹת יְדֵיהֶם וְרַגְלֵיהֶם
מְקֻצָּצִים הָיוּ מְלַקְּטִים תַּחַת שֻׁלְחָנִי כַּאֲשֶׁר עָשִׂיתִי כֵּן
שִׁלַּם־לִי אֱלֹהִים וַיְבִיאֻהוּ יְרוּשָׁלַםִ וַיָּמָת שָׁם׃ וַיִּלָּחֲמוּ ח
בְנֵי־יְהוּדָה בִּירוּשָׁלַםִ וַיִּלְכְּדוּ אוֹתָהּ וַיַּכּוּהָ לְפִי־חָרֶב וְאֶת־
הָעִיר שִׁלְּחוּ בָאֵשׁ׃ וְאַחַר יָרְדוּ בְּנֵי יְהוּדָה לְהִלָּחֵם ט
בַּכְּנַעֲנִי יוֹשֵׁב הָהָר וְהַנֶּגֶב וְהַשְּׁפֵלָה׃ וַיֵּלֶךְ יְהוּדָה אֶל־ י
הַכְּנַעֲנִי הַיּוֹשֵׁב בְּחֶבְרוֹן וְשֵׁם־חֶבְרוֹן לְפָנִים קִרְיַת אַרְבַּע
וַיַּכּוּ אֶת־שֵׁשַׁי וְאֶת־אֲחִימַן וְאֶת־תַּלְמָי׃ וַיֵּלֶךְ מִשָּׁם אֶל־ יא
יוֹשְׁבֵי דְּבִיר וְשֵׁם־דְּבִיר לְפָנִים קִרְיַת־סֵפֶר׃ וַיֹּאמֶר כָּלֵב יב
אֲשֶׁר יַכֶּה אֶת־קִרְיַת סֵפֶר וּלְכָדָהּ וְנָתַתִּי לוֹ אֶת־עַכְסָה
בִתִּי לְאִשָּׁה׃ וַיִּלְכְּדָהּ עָתְנִיאֵל בֶּן־קְנַז אֲחִי כָלֵב הַקָּטֹן יג

---

י׳ פתח באתנח

**א** 1 און עס איז געווען נאָך דעם טויט פון יהושוען, האָבן די קינדער פון ישראל געפרעגט בײ גאָט, אַזוי צו זאָגן: ווער זאָל אונדז צוערשט אַרויפגײן אַקעגן דעם כּנַעֲני, מלחמה צו האַלטן אויף אים? 2 האָט גאָט געזאָגט: יהודה זאָל אַרויפגײן; זע, איך האָב געגעבן דאָס לאַנד אין זײן האַנט.

3 האָט יהודה געזאָגט צו זײן ברודער שמעון: גײ אַרויף מיט מיר אין מײן גורל, און מיר װעלן מלחמה האַלטן אויפן כּנַעֲני, און איך װעל אויך גײן מיט דיר אין דײן גורל. איז שמעון געגאַנגען מיט אים.

4 און יהודה איז אַרויפגעגאַנגען, און גאָט האָט גע־געבן דעם כּנַעֲני און דעם פּרִזי אין זײער האַנט, און זײ האָבן געשלאָגן פון זײ אין בֶּזֶק צען טויזנט מאַן. 5 און זײ האָבן געפונען אַדוני־בֶזֶקן אין בֶּזֶק, און האָבן מלחמה גע־האַלטן אויף אים, און האָבן געשלאָגן דעם כּנַעֲני און דעם פּרִזי. 6 איז אַדוני־בֶזֶק אַנטלאָפן, און זײ האָבן אים נאָכ־געיאָגט, און האָבן אים געכאַפּט, און האָבן אָפּגעהאַקט די דוימען פון זײנע הענט און זײנע פיס. 7 האָט אַדוני־בֶזֶק געזאָגט: זיבעציק מלכים מיט די דוימען פון זײערע הענט און זײערע פיס אָפּגעהאַקט האָבן געקליבן אונטער מײן טיש; אַזוי װי איך האָב געטאָן, אַזוי האָט מיר גאָט באַצאָלט. און זײ האָבן אים געבראַכט קײן ירושָלַיִם, און ער איז דאָרטן געשטאָרבן.

8 און די קינדער פון יהודה האָבן מלחמה געהאַלטן אויף ירושָלַיִם, און האָבן זי באַצװוּנגען, און זי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שװערד, און די שטאָט האָבן זײ אַװעקגעלאָזט אין פײער. 9 און דערנאָך האָבן די קינדער פון יהודה אַראָפּ־גענידערט מלחמה צו האַלטן אויף דעם כּנַעֲני, דעם באַװױנער פון דעם געבערג און דעם דָרום און דער נידערונג. 10 און יהודה איז געגאַנגען אויף דעם כּנַעֲני װאָס איז געזעסן אין חֶברון–און דער נאָמען פון חֶברון איז פריער געװען קִרְיַת־אַרְבַּע–און זײ האָבן דערשלאָגן שֵׁשַׁין, און אַחימַנען, און תַּלמַין. 11 און פון דאָרטן איז ער געגאַנגען אויף די באַ־װױנער פון דביר; און דער נאָמען פון דביר איז פריער געװען קִרְיַת־סֵפֶר.

12 און כָּלֵב האָט געזאָגט: װער עס װעט שלאָגן קִרְיַת־סֵפֶר, און װעט זי באַצװינגען, װעל איך אים געבן מײן טאָכטער עַכְסָהן פאַר אַ װײב. 13 האָט זי באַצװוּנגען עָתניאֵל דער זון פון קְנַז, כָּלֵבס יינגערער ברודער,

און ער האָט אים געגעבן זיין טאָכטער עַכסָהן פאַר אַ ווייב. [14] און עס איז געווען, אַז זי איז אָנגעקומען, האָט זי אים אָנגערעדט צו בעטן פון איר פאָטער אַ פעלד. און ווי זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון אייזל, אַזוי האָט כָּלֵב צו איר געזאָגט: וואָס איז דיר? [15] האָט זי צו אים געזאָגט: שענק מיר אַ מתנה; וואָרום אין אַ טרוקענעם לאַנד האָסטו מיך אויסגעגעבן; דרום זאָלסטו מיר געבן קוואַלן וואַסער. האָט איר כָּלֵב געגעבן די אויבערשטע קוואַלן און די אונטערשטע קוואַלן.

[16] און די קינדער פון דעם קֵיני, משהס שווער, זיינען אַרויפגעגאַנגען פון דער שטאָט פון טייטלביימער מיט די קינדער פון יהודה צו דעם מדבר פון יהודה וואָס אין דָרום פון עֲרָד; און זיי זיינען געגאַנגען און האָבן זיך באַזעצט מיט דעם פאָלק.

[17] און יהודה איז געגאַנגען מיט זיין ברודער שמעון, און זיי האָבן געשלאָגן דעם כּנַעֲני, דעם באַוווינער פון צפַת, און האָבן זי געמאַכט חרם, און מע האָט גערופן דעם נאָמען פון דער שטאָט חָרמָה. [18] און יהודה האָט באַצוווּנגען עַזָה מיט איר געמאַרק, און אַשקלון מיט איר געמאַרק, און עֶקרון מיט איר געמאַרק. [19] און גאָט איז געווען מיט יהודה, און ער האָט אַיינגענומען דאָס געבערג; וואָרום די באַוווינער פון טאָל איז ניט געווען צו פאַרטרייבן, ווייל זיי האָבן געהאַט אַייזערנע רייטוועגן. [20] און זיי האָבן געגעבן חֶברון צו כָּלֵבן, אַזוי ווי משה האָט אָנגעזאָגט; און ער האָט פאַרטריבן פון דאָרטן די דריי זין פון עֲנָק.

[21] און דעם יבוסי, דעם באַוווינער פון ירושָלַיִם, האָבן די קינדער פון בנימין ניט פאַרטריבן; און דער יבוסי איז געבליבן זיצן מיט די קינדער פון בנימין אין ירושָלַיִם ביז אויף היינטיקן טאָג.

[22] און דאָס הויז פון יוסף, זיי אויך זיינען אַרויפגעגאַנגען אויף בֵּית־אֵל, און גאָט איז געווען מיט זיי. [23] און דאָס הויז פון יוסף האָט געלאָזט אויסקוקן בֵּית־אֵל—און דער נאָמען פון דער שטאָט איז פריער געווען לוז—[24] און די וועכטערס האָבן געזען אַ מאַן אַרויסגיין פון שטאָט, און האָבן צו אים געזאָגט: ווייז אונדז אָקאָרשט דעם אַיינגאַנג פון שטאָט, און מיר וועלן טאָן מיט דיר חסד. [25] האָט ער זיי געוויזן דעם אַיינגאַנג פון שטאָט, און זיי האָבן געשלאָגן די שטאָט מיטן שאַרף פון שווערד; און דעם מאַן און זיין גאַנצע משפחה האָבן זיי אַװעקגעלאָזט. [26] און דער מאַן איז געגאַנגען אין לאַנד פון די חִתּים, און האָט געבויט אַ שטאָט, און גערופן איר נאָמען לוז; דאָס איז איר נאָמען ביז אויף היינטיקן טאָג.

[27] און מנשה האָט ניט פאַרטריבן בֵּית־שְאָן און אירע טעכטערשטעט, און תַּעֲנָך און אירע טעכטערשטעט, און די באַוווינער פון דור און אירע טעכטערשטעט, און די באַוווינער פון יִבלְעָם און אירע טעכטערשטעט, און די באַוווינער פון מגִדוֹ און אירע טעכטערשטעט; און דער כּנַעֲני איז באַשטאַנען צו בלייבן זיצן אין דעמדאָזיקן לאַנד. [28] און עס איז געווען, אַז ישראל איז שטאַרק געוואָרן, האָט ער געמאַכט דעם כּנַעֲני צו צינז, אָבער פאַרטרייבן האָט ער אים ניט פאַרטריבן.

יד מִמֶּנּוּ וַיִּתֶּן־לוֹ אֶת־עַכְסָה בִתּוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיְהִי בְּבוֹאָהּ
וַתְּסִיתֵהוּ לִשְׁאוֹל מֵאֵת־אָבִיהָ הַשָּׂדֶה וַתִּצְנַח מֵעַל הַחֲמוֹר
טו וַיֹּאמֶר־לָהּ כָּלֵב מַה־לָּךְ׃ וַתֹּאמֶר לוֹ הָבָה־לִּי בְרָכָה
כִּי אֶרֶץ הַנֶּגֶב נְתַתָּנִי וְנָתַתָּה לִי גֻּלֹּת מָיִם וַיִּתֶּן־לָהּ כָּלֵב
טז אֵת גֻּלֹּת עִלִּית וְאֵת גֻּלֹּת תַּחְתִּית׃ וּבְנֵי קֵינִי חֹתֵן
מֹשֶׁה עָלוּ מֵעִיר הַתְּמָרִים אֶת־בְּנֵי יְהוּדָה מִדְבַּר יְהוּדָה
יז אֲשֶׁר בְּנֶגֶב עֲרָד וַיֵּלֶךְ וַיֵּשֶׁב אֶת־הָעָם׃ וַיֵּלֶךְ יְהוּדָה אֶת־
שִׁמְעוֹן אָחִיו וַיַּכּוּ אֶת־הַכְּנַעֲנִי יוֹשֵׁב צְפַת וַיַּחֲרִימוּ אוֹתָהּ
יח וַיִּקְרָא אֶת־שֵׁם־הָעִיר חָרְמָה׃ וַיִּלְכֹּד יְהוּדָה אֶת־עַזָּה
וְאֶת־גְּבוּלָהּ וְאֶת־אַשְׁקְלוֹן וְאֶת־גְּבוּלָהּ וְאֶת־עֶקְרוֹן וְאֶת־
יט גְּבוּלָהּ׃ וַיְהִי יְהוָה אֶת־יְהוּדָה וַיֹּרֶשׁ אֶת־הָהָר כִּי
כ לֹא לְהוֹרִישׁ אֶת־יֹשְׁבֵי הָעֵמֶק כִּי־רֶכֶב בַּרְזֶל לָהֶם׃ וַיִּתְּנוּ
לְכָלֵב אֶת־חֶבְרוֹן כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה וַיּוֹרֶשׁ מִשָּׁם אֶת־
כא שְׁלֹשָׁה בְּנֵי הָעֲנָק׃ וְאֶת־הַיְבוּסִי יֹשֵׁב יְרוּשָׁלִַם לֹא הוֹרִישׁוּ
בְּנֵי בִנְיָמִן וַיֵּשֶׁב הַיְבוּסִי אֶת־בְּנֵי בִנְיָמִן בִּירוּשָׁלִַם עַד הַיּוֹם
כב הַזֶּה׃ וַיַּעֲלוּ בֵית־יוֹסֵף גַּם־הֵם בֵּית־אֵל וַיהוָה עִמָּם׃
כג כד וַיָּתִירוּ בֵית־יוֹסֵף בְּבֵית־אֵל וְשֵׁם־הָעִיר לְפָנִים לוּז׃ וַיִּרְאוּ
הַשֹּׁמְרִים אִישׁ יוֹצֵא מִן־הָעִיר וַיֹּאמְרוּ לוֹ הַרְאֵנוּ נָא אֶת־
כה מְבוֹא הָעִיר וְעָשִׂינוּ עִמְּךָ חָסֶד׃ וַיַּרְאֵם אֶת־מְבוֹא הָעִיר
וַיַּכּוּ אֶת־הָעִיר לְפִי־חָרֶב וְאֶת־הָאִישׁ וְאֶת־כָּל־מִשְׁפַּחְתּוֹ
כו שִׁלֵּחוּ׃ וַיֵּלֶךְ הָאִישׁ אֶרֶץ הַחִתִּים וַיִּבֶן עִיר וַיִּקְרָא שְׁמָהּ
כז לוּז הוּא שְׁמָהּ עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְלֹא־הוֹרִישׁ מְנַשֶּׁה
אֶת־בֵּית־שְׁאָן וְאֶת־בְּנוֹתֶיהָ וְאֶת־תַּעְנַךְ וְאֶת־בְּנֹתֶיהָ וְאֶת־
ישב דּוֹר וְאֶת־בְּנוֹתֶיהָ וְאֶת־יוֹשְׁבֵי יִבְלְעָם וְאֶת־בְּנֹתֶיהָ
וְאֶת־יוֹשְׁבֵי מְגִדּוֹ וְאֶת־בְּנוֹתֶיהָ וַיּוֹאֶל הַכְּנַעֲנִי לָשֶׁבֶת
כח בָּאָרֶץ הַזֹּאת׃ וַיְהִי כִּי־חָזַק יִשְׂרָאֵל וַיָּשֶׂם אֶת־הַכְּנַעֲנִי
כט לָמַס וְהוֹרֵישׁ לֹא הוֹרִישׁוֹ׃ וְאֶפְרַיִם לֹא הוֹרִישׁ

טו׳ קמץ בז״ק   כז׳ ישבי ק   כח׳ פתח באתנח   יתיר י

אֶת־הַכְּנַעֲנִי הַיּוֹשֵׁב בְּגָזֶר וַיֵּשֶׁב הַכְּנַעֲנִי בְּקִרְבּוֹ בְּגָזֶר׃
זְבוּלֻן לֹא הוֹרִישׁ אֶת־יוֹשְׁבֵי קִטְרוֹן וְאֶת־יוֹשְׁבֵי ל
נַהֲלֹל וַיֵּשֶׁב הַכְּנַעֲנִי בְּקִרְבּוֹ וַיִּהְיוּ לָמַס׃ אָשֵׁר לֹא לא
הוֹרִישׁ אֶת־יֹשְׁבֵי עַכּוֹ וְאֶת־יוֹשְׁבֵי צִידוֹן וְאֶת־אַחְלָב וְאֶת־
אַכְזִיב וְאֶת־חֶלְבָּה וְאֶת־אֲפִיק וְאֶת־רְחֹב׃ וַיֵּשֶׁב הָאָשֵׁרִי לב
בְּקֶרֶב הַכְּנַעֲנִי יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ כִּי לֹא הוֹרִישׁוֹ׃ נַפְתָּלִי לג
לֹא־הוֹרִישׁ אֶת־יֹשְׁבֵי בֵית־שֶׁמֶשׁ וְאֶת־יֹשְׁבֵי בֵית־עֲנָת
וַיֵּשֶׁב בְּקֶרֶב הַכְּנַעֲנִי יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ וְיֹשְׁבֵי בֵית־שֶׁמֶשׁ
וּבֵית עֲנָת הָיוּ לָהֶם לָמַס׃ וַיִּלְחֲצוּ הָאֱמֹרִי אֶת־בְּנֵי־דָן לד
הָהָרָה כִּי־לֹא נְתָנוֹ לָרֶדֶת לָעֵמֶק׃ וַיּוֹאֶל הָאֱמֹרִי לָשֶׁבֶת לה
בְּהַר־חֶרֶס בְּאַיָּלוֹן וּבְשַׁעַלְבִים וַתִּכְבַּד יַד בֵּית־יוֹסֵף
וַיִּהְיוּ לָמַס׃ וּגְבוּל הָאֱמֹרִי מִמַּעֲלֵה עַקְרַבִּים מֵהַסֶּלַע לו
וָמָעְלָה׃

ב

וַיַּעַל מַלְאַךְ־יְהוָה מִן־הַגִּלְגָּל אֶל־הַבֹּכִים * וַיֹּאמֶר א
אַעֲלֶה אֶתְכֶם מִמִּצְרַיִם וָאָבִיא אֶתְכֶם אֶל־הָאָרֶץ אֲשֶׁר
נִשְׁבַּעְתִּי לַאֲבֹתֵיכֶם וָאֹמַר לֹא־אָפֵר בְּרִיתִי אִתְּכֶם
לְעוֹלָם׃ וְאַתֶּם לֹא־תִכְרְתוּ בְרִית לְיוֹשְׁבֵי הָאָרֶץ הַזֹּאת ב
מִזְבְּחוֹתֵיהֶם תִּתֹּצוּן וְלֹא־שְׁמַעְתֶּם בְּקֹלִי מַה־זֹּאת
עֲשִׂיתֶם׃ וְגַם אָמַרְתִּי לֹא־אֲגָרֵשׁ אוֹתָם מִפְּנֵיכֶם וְהָיוּ ג
לָכֶם לְצִדִּים וֵאלֹהֵיהֶם יִהְיוּ לָכֶם לְמוֹקֵשׁ׃ וַיְהִי כְּדַבֵּר ד
מַלְאַךְ יְהוָה אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֶל־כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל
וַיִּשְׂאוּ הָעָם אֶת־קוֹלָם וַיִּבְכּוּ׃ וַיִּקְרְאוּ שֵׁם־הַמָּקוֹם הַהוּא ה
בֹּכִים וַיִּזְבְּחוּ־שָׁם לַיהוָה׃ וַיְשַׁלַּח יְהוֹשֻׁעַ אֶת־הָעָם ו
וַיֵּלְכוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אִישׁ לְנַחֲלָתוֹ לָרֶשֶׁת אֶת־הָאָרֶץ׃
וַיַּעַבְדוּ הָעָם אֶת־יְהוָה כֹּל יְמֵי יְהוֹשֻׁעַ וְכֹל ׀ יְמֵי הַזְּקֵנִים ז
אֲשֶׁר הֶאֱרִיכוּ יָמִים אַחֲרֵי יְהוֹשׁוּעַ אֲשֶׁר רָאוּ אֵת כָּל־

א, ל״ל ג״ לה׳ פתח בס״פ  ב, א׳ פסקא באמצע פסוק  ז׳ מלא ו׳

[29] און אפרים האָט ניט פאַרטריבן דעם כּנַעֲנִי וואָס איז געזעסן אין גֶזֶר; און דער כּנַעֲנִי איז געבליבן זיצן צווישן אים אין גֶזֶר.

[30] זבולון האָט ניט פאַרטריבן די באַוווינער פון קִטרוֹן, און די באַוווינער פון נַהלוֹל; און דער כּנַעֲנִי איז געבליבן זיצן צווישן אים, און איז געוואָרן צו צינז.

[31] אָשר האָט ניט פאַרטריבן די באַוווינער פון עַכּוֹ, און די באַוווינער פון צידוֹן, און אַחלָב, און אַכזִיב, און חֶלבָּה, און אַפִיק, און רחוֹב. [32] און דער אָשֵרי איז געזעסן צווישן דעם כּנַעֲנִי, די באַוווינער פון לאַנד, וואָרום ער האָט אים ניט פאַרטריבן.

[33] נפתלי האָט ניט פאַרטריבן די באַוווינער פון בֵּית־שֶמֶש, און די באַוווינער פון בֵּית־עֲנָת; און ער איז געזעסן צווישן דעם כּנַעֲנִי, די באַוווינער פון לאַנד; אָבער די באַוווינער פון בֵּית־שֶמֶש און בֵּית־עֲנָת זיינען געוואָרן בײַ זיי צו צינז.

[34] און דער אֱמוֹרי האָט אַרויפגעשטופּט די קינדער פון דָן צום געבערג, וואָרום ער האָט זיי ניט געלאָזט אַראָפּנידערן אין טאָל. [35] און דער אֱמוֹרי איז באַשטאַנען צו בלײַבן זיצן אין הַר־חֶרֶס, אין אַיָלוֹן, און אין שַעַלבִים; אָבער די האַנט פון דעם הויז פון יוסף איז געווען שווער [אויף זיי], און זיי זיינען געוואָרן צו צינז. [36] און דער גע־מאַרק פון אֱמוֹרי איז געווען פון דעם אויפגאַנג פון עַקרַבִּים, פון סֶלַע און אַרויף צו.

## ב

[1] און אַ מלאך פון גאָט איז אַרויפגעגאַנגען פון גִלגָל קיין בּוֹכִים, און ער האָט געזאָגט: איך האָב אײַך אויפגע־בראַכט פון מִצרַיִם, און האָב אײַך געבראַכט אין דעם לאַנד וואָס איך האָב צוגעשוואָרן אײַערע עלטערן; און איך האָב געזאָגט: איך וועל ניט פאַרשטערן מיין בונד מיט אײַך אויף אייביק; [2] נאָר איר זאָלט ניט שליסן אַ בונד מיט די באַוווינער פון דעמדאָזיקן לאַנד; זייערע מזבחות זאָלט איר צעברעכן. אָבער איר האָט ניט צוגעהערט צו מיין קָול. וואָס האָט איר דאָ געטאָן? [3] דרום אויך זאָג איך: איך וועל זיי ניט פאַרטרײַבן פון פאַר אײַך, און זיי וועלן אײַך זיין פאַר נעצן, און זייערע געטער וועלן אײַך זיין פאַר אַ שטרויכלונג.

[4] און עס איז געווען, ווי דער מלאך פון גאָט האָט גערעדט דידאָזיקע ווערטער צו אַלע קינדער פון ישראל, אַזוי האָט דאָס פאָלק אויפגעהויבן זייער קָול, און זיי האָבן געוויינט; [5] דרום האָט מען גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט בּוֹכִים[א]. און זיי האָבן דאָרטן געשלאַכט צו גאָט.

[6] און אַז יהוֹשוּעַ האָט פאַנאַנדערגעשיקט דאָס פאָלק, און די קינדער פון ישראל זיינען געגאַנגען איטלעכער צו זיין נחלה, צו אַרבן דאָס לאַנד, [7] האָט דאָס פאָלק געדינט גאָט אַלע טעג פון יהוֹשוּען, און אַלע טעג פון די זקנים וואָס האָבן

[א] ווײנעדיקע.

מַאֲריך־יָמִים געווען נאָך יהושוען, וואָס האָבן געזען אַלדי
גרויסע טואונג פון גאָט וואָס ער האָט געטאָן פאַר ישראל.
8 און יהושע דער זון פון נון, דער קנעכט פון גאָט, איז
געשטאָרבן צו הונדערט מיט צען יאָר. 9 און מע האָט
אים באַגראָבן אין דעם געמאַרק פון זיין נחלה, אין תִּמְנַת־
חֶרֶס, אין דעם געבערג פון אפרים, אין צפון פון באַרג
גַעַש. 10 און אויך יענער גאַנצער דָור איז אַיינגעזאַמלט
געוואָרן צו זיינע עלטערן, און אַן אַנדער דָור איז אויפגע־
שטאַנען נאָך זיי, וואָס האָבן ניט געקענט גאָט, און ניט די
טואונג וואָס ער האָט געטאָן פאַר ישראל. 11 און די
קינדער פון ישראל האָבן געטאָן וואָס איז שלעכט אין די
אויגן פון גאָט, און זיי האָבן געדינט די בַעַל־געטער. 12 און
זיי האָבן פאַרלאָזן יהוה דעם גאָט פון זייערע עלטערן,
וואָס האָט זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצְרַיִם, און זיי זיינען
געגאַנגען נאָך פרעמדע געטער, פון די געטער פון די
פעלקער וואָס רונד אַרום זיי, און זיי האָבן זיך צו זיי גע־
בוקט, און האָבן דערצערנט גאָט. 13 און זיי האָבן פאַר־
לאָזן יהוה, און געדינט צו בַעַל און צו די עַשְׁתָּרוֹת.
14 האָט דער צאָרן פון גאָט געגרימט אויף ישראל, און ער
האָט זיי געגעבן אין דער האַנט פון רויבער וואָס האָבן
זיי באַרויבט, און ער האָט זיי איבערגעענטפערט אין דער
האַנט פון זייערע פיינט פון רונד אַרום, און זיי האָבן מער
ניט געקענט באַשטיין פאַר זייערע פיינט. 15 אומעטום
אַווו זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, איז די האַנט פון גאָט געווען
אַקעגן זיי צום בייזן, אַזוי ווי גאָט האָט גערעדט, און אַזוי ווי גאָט האָט זיי געשוואָרן; און זיי האָט זייער צוגעדריקט.
16 האָט גאָט אויפגעשטעלט שופטים, און זיי האָבן זיי געהאָלפן פון זייערע רויבער. 17 אָבער אויך צו זייערע שופטים
האָבן זיי ניט צוגעהערט, וואָרום זיי זיינען געווען פאַרפירט נאָך פרעמדע געטער, און האָבן זיך צו זיי געבוקט;
זיי האָבן זיך גיך אָפּגעקערט פון דעם וועג וואָס זייערע עלטערן זיינען געגאַנגען, צוצוהערן די געבאָט פון גאָט; זיי
האָבן אַזוי ניט געטאָן. 18 און אַז גאָט האָט זיי אויפגעשטעלט שופטים, אַזוי פלעגט גאָט זיין מיט דעם שופט, און
פלעגט זיי העלפן פון דער האַנט פון זייערע פיינט אַלע טעג פון דעם שופט, ווייל גאָט פלעגט חרטה האָבן
איבער זייער געשריי פון וועגן זייערע צווינגער און זייערע דריקער. 19 אָבער עס איז געווען, ווי דער שופט
איז געשטאָרבן, אַזוי פלעגן זיי ווידער פאַרדאָרבן ווערן, נאָך מער פון זייערע עלטערן, צו גיין נאָך פרעמדע געטער,
זיי צו דינען און זיך צו בוקן צו זיי. זיי האָבן ניט אָפּגעלאָזט פון זייערע מעשים און פון זייער אַיינגעשפּאַרטן וועג. 20 און
דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף ישראל, און ער האָט געזאָגט: ווייל דאָסדאָזיקע פאָלק האָט איבערגע־
טרעטן מיין בונד וואָס איך האָב באַפוילן זייערע עלטערן, און זיי האָבן ניט צוגעהערט צו מיין קָול, 21 וועל איך אויך ניט
מער פאַרטרייבן פון פאַר זיי קיינעם פון די פעלקער וואָס יהושע האָט איבערגעלאָזט, ווען ער איז געשטאָרבן. 22 כדי צו
פרוּוון מיט זיי ישראל, אויב זיי וועלן היטן די וועגן פון גאָט צו גיין אין זיי, אַזוי ווי זייערע עלטערן האָבן געהיט, אָדער ניט.

ח מַעֲשֵׂה יְהוָה הַגָּדוֹל אֲשֶׁר עָשָׂה לְיִשְׂרָאֵל׃ וַיָּמָת יְהוֹשֻׁעַ
ט בִּן־נוּן עֶבֶד יְהוָה בֶּן־מֵאָה וָעֶשֶׂר שָׁנִים׃ וַיִּקְבְּרוּ אוֹתוֹ
בִּגְבוּל נַחֲלָתוֹ בְּתִמְנַת־חֶרֶס בְּהַר אֶפְרָיִם מִצְּפוֹן לְהַר־
י גָּעַשׁ׃ וְגַם כָּל־הַדּוֹר הַהוּא נֶאֶסְפוּ אֶל־אֲבוֹתָיו וַיָּקָם דּוֹר
אַחֵר אַחֲרֵיהֶם אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּ אֶת־יְהוָה וְגַם אֶת־הַמַּעֲשֶׂה
יא אֲשֶׁר עָשָׂה לְיִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעֲשׂוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הָרַע
יב בְּעֵינֵי יְהוָה וַיַּעַבְדוּ אֶת־הַבְּעָלִים׃ וַיַּעַזְבוּ אֶת־יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי
אֲבוֹתָם הַמּוֹצִיא אוֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵי ׀ אֱלֹהִים
אֲחֵרִים מֵאֱלֹהֵי הָעַמִּים אֲשֶׁר סְבִיבוֹתֵיהֶם וַיִּשְׁתַּחֲווּ לָהֶם
יג וַיַּכְעִסוּ אֶת־יְהוָה׃ וַיַּעַזְבוּ אֶת־יְהוָה וַיַּעַבְדוּ לַבַּעַל
יד וְלָעַשְׁתָּרוֹת׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּתְּנֵם בְּיַד שֹׁסִים
וַיָּשֹׁסּוּ אוֹתָם וַיִּמְכְּרֵם בְּיַד אוֹיְבֵיהֶם מִסָּבִיב וְלֹא־יָכְלוּ עוֹד
טו לַעֲמֹד לִפְנֵי אוֹיְבֵיהֶם׃ בְּכֹל ׀ אֲשֶׁר יָצְאוּ יַד־יְהוָה הָיְתָה־
בָּם לְרָעָה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה וְכַאֲשֶׁר נִשְׁבַּע יְהוָה לָהֶם
טז וַיֵּצֶר לָהֶם מְאֹד׃ וַיָּקֶם יְהוָה שֹׁפְטִים וַיּוֹשִׁיעוּם מִיַּד
יז שֹׁסֵיהֶם׃ וְגַם אֶל־שֹׁפְטֵיהֶם לֹא שָׁמֵעוּ כִּי זָנוּ אַחֲרֵי אֱלֹהִים
אֲחֵרִים וַיִּשְׁתַּחֲווּ לָהֶם סָרוּ מַהֵר מִן־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלְכוּ
יח אֲבוֹתָם לִשְׁמֹעַ מִצְוֺת־יְהוָה לֹא־עָשׂוּ כֵן׃ וְכִי־הֵקִים יְהוָה ׀
לָהֶם שֹׁפְטִים וְהָיָה יְהוָה עִם־הַשֹּׁפֵט וְהוֹשִׁיעָם מִיַּד אֹיְבֵיהֶם
כֹּל יְמֵי הַשּׁוֹפֵט כִּי־יִנָּחֵם יְהוָה מִנַּאֲקָתָם מִפְּנֵי לֹחֲצֵיהֶם
יט וְדֹחֲקֵיהֶם׃ וְהָיָה ׀ בְּמוֹת הַשּׁוֹפֵט יָשֻׁבוּ וְהִשְׁחִיתוּ מֵאֲבוֹתָם
לָלֶכֶת אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים לְעָבְדָם וּלְהִשְׁתַּחֲוֺת לָהֶם
כ לֹא הִפִּילוּ מִמַּעַלְלֵיהֶם וּמִדַּרְכָּם הַקָּשָׁה׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה
בְּיִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר יַעַן אֲשֶׁר עָבְרוּ הַגּוֹי הַזֶּה אֶת־בְּרִיתִי
כא אֲשֶׁר צִוִּיתִי אֶת־אֲבוֹתָם וְלֹא שָׁמְעוּ לְקוֹלִי׃ גַּם־אֲנִי לֹא
אוֹסִיף לְהוֹרִישׁ אִישׁ מִפְּנֵיהֶם מִן־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־עָזַב יְהוֹשֻׁעַ
כב וַיָּמֹת׃ לְמַעַן נַסּוֹת בָּם אֶת־יִשְׂרָאֵל הֲשֹׁמְרִים הֵם אֶת־
דֶּרֶךְ יְהוָה לָלֶכֶת בָּם* כַּאֲשֶׁר שָׁמְרוּ אֲבוֹתָם אִם־לֹא׃

---

כב׳ סבירין בה

וַיַּנַּח יְהוָה אֶת־הַגּוֹיִם הָאֵלֶּה לְבִלְתִּי הוֹרִישָׁם מַהֵר וְלֹא כג
נְתָנָם בְּיַד יְהוֹשֻׁעַ׃

ג

וְאֵלֶּה הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הִנִּיחַ יְהוָה לְנַסּוֹת בָּם אֶת־יִשְׂרָאֵל א
אֵת כָּל־אֲשֶׁר לֹא־יָדְעוּ אֵת כָּל־מִלְחֲמוֹת כְּנָעַן׃ רַק לְמַעַן ב
דַּעַת דֹּרוֹת בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל לְלַמְּדָם מִלְחָמָה רַק אֲשֶׁר־
לְפָנִים לֹא יְדָעוּם׃ חֲמֵשֶׁת ׀ סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים וְכָל־הַכְּנַעֲנִי ג
וְהַצִּידֹנִי וְהַחִוִּי יֹשֵׁב הַר הַלְּבָנוֹן מֵהַר בַּעַל חֶרְמוֹן עַד
לְבוֹא חֲמָת׃ וַיִּהְיוּ לְנַסּוֹת בָּם אֶת־יִשְׂרָאֵל לָדַעַת הֲיִשְׁמְעוּ ד
אֶת־מִצְוֺת יְהוָה אֲשֶׁר־צִוָּה אֶת־אֲבוֹתָם בְּיַד־מֹשֶׁה׃ וּבְנֵי ה
יִשְׂרָאֵל יָשְׁבוּ בְּקֶרֶב הַכְּנַעֲנִי הַחִתִּי וְהָאֱמֹרִי וְהַפְּרִזִּי
וְהַחִוִּי וְהַיְבוּסִי׃ וַיִּקְחוּ אֶת־בְּנוֹתֵיהֶם לָהֶם לְנָשִׁים וְאֶת־ ו
בְּנוֹתֵיהֶם נָתְנוּ לִבְנֵיהֶם וַיַּעַבְדוּ אֶת־אֱלֹהֵיהֶם׃ וַיַּעֲשׂוּ ז
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיִּשְׁכְּחוּ אֶת־יְהוָה
אֱלֹהֵיהֶם וַיַּעַבְדוּ אֶת־הַבְּעָלִים וְאֶת־הָאֲשֵׁרוֹת׃ וַיִּחַר־אַף ח
יְהוָה בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּמְכְּרֵם בְּיַד כּוּשַׁן רִשְׁעָתַיִם מֶלֶךְ אֲרַם
נַהֲרָיִם וַיַּעַבְדוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־כּוּשַׁן רִשְׁעָתַיִם שְׁמֹנֶה
שָׁנִים׃ וַיִּזְעֲקוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה וַיָּקֶם יְהוָה מוֹשִׁיעַ ט
לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיּוֹשִׁיעֵם אֵת עָתְנִיאֵל בֶּן־קְנַז אֲחִי כָלֵב
הַקָּטֹן מִמֶּנּוּ׃ וַתְּהִי עָלָיו רוּחַ־יְהוָה וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל י
וַיֵּצֵא לַמִּלְחָמָה וַיִּתֵּן יְהוָה בְּיָדוֹ אֶת־כּוּשַׁן רִשְׁעָתַיִם מֶלֶךְ
אֲרָם וַתָּעָז יָדוֹ עַל כּוּשַׁן רִשְׁעָתָיִם׃ וַתִּשְׁקֹט הָאָרֶץ יא
אַרְבָּעִים שָׁנָה וַיָּמָת עָתְנִיאֵל בֶּן־קְנַז׃ וַיֹּסִפוּ בְּנֵי יב
יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיְחַזֵּק יְהוָה אֶת־עֶגְלוֹן
מֶלֶךְ־מוֹאָב עַל־יִשְׂרָאֵל עַל כִּי־עָשׂוּ אֶת־הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה׃
וַיֶּאֱסֹף אֵלָיו אֶת־בְּנֵי־עַמּוֹן וַעֲמָלֵק וַיֵּלֶךְ וַיַּךְ אֶת־יִשְׂרָאֵל יג
וַיִּירְשׁוּ אֶת־עִיר הַתְּמָרִים׃ וַיַּעַבְדוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־עֶגְלוֹן יד
מֶלֶךְ־מוֹאָב שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה שָׁנָה׃ וַיִּזְעֲקוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל טו

[23] און גאָט האָט געלאָזט דידאָזיקע פעלקער, זיי ניט צו פאַרטרייבן אויף גיך; און ער האָט זיי ניט געגעבן אין דער האַנט פון יהושוען.

ג [1] און דאָס זיינען די פעלקער וואָס גאָט האָט געלאָזט, כדי צו פּרוּוון מיט זיי ישראל, די אַלע וואָס האָבן ניט געוווּסט פון אַלע מלחמות פון כּנַעַן; [2] בלויז כּדי די דורות פון די קינדער פון ישראל זאָלן וויסן, זיי צו לערנען מלחמה—די וואָס האָבן נאָר פריער דערפון ניט געוווּסט; [3] די פינף פירשטן פון די פּלִשתּים, און דער גאַנצער כּנַעֲני, און דער צידוני, און דער חִוִי, דער באַוווינער פון באַרג לבָנון, פון באַרג בַּעַל־חֶרמון ביז מע קומט קיין חֲמָת. [4] און זיי זיינען געבליבן כדי צו פּרוּוון מיט זיי ישראל, צו וויסן אויב זיי וועלן צוהערן די געבאָט פון גאָט וואָס ער האָט געבאָטן זייערע עלטערן דורך משהן. [5] און די קינדער פון ישראל זיינען געזעסן צווישן דעם כּנַעֲני, דעם חִתּי, און דעם אֱמוֹרי, און דעם פּרִזי, און דעם חִוִי, און דעם יבוסי. [6] און זיי האָבן זיך גענומען זייערע טעכטער פאַר ווייבער, און זייערע טעכטער האָבן זיי געגעבן צו די זין פון יענע, און זיי האָבן געדינט זייערע געטער.

[7] און די קינדער פון ישראל האָבן געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און זיי האָבן פאַרגעסן אָן יהוה זייער גאָט, און האָבן געדינט די בַּעַל־געטער און די אֲשֵרות. [8] און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף ישראל, און ער האָט זיי איבערגעענטפערט אין דער האַנט פון כּושַן־רִשעָתַיִם דעם מלך פון אֲרַם־נַהֲרַיִם, און די קינדער פון ישראל האָבן געדינט כּושַן־רִשעָתַיִמען אַכט יאָר. [9] האָבן די קינדער פון ישראל געשריִען צו גאָט, און גאָט האָט אויפגעשטעלט די קינדער פון ישראל אַ העלפער וואָס האָט זיי געהאָלפן, עָתניאֵל דעם זון פון קנַז, כָּלֵבס יינגערן ברודער. [10] און דער גייסט פון גאָט איז געווען אויף אים, און ער האָט געמשפּט ישראל; און ער איז אַרויסגעגאַנגען אויף מלחמה, און גאָט האָט געגעבן אין זיין האַנט כּושַן־רִשעָתַיִם דעם מלך פון אֲרָם, און זיין האַנט איז געווען שטאַרק אויף כּושַן־רִשעָתַיִמען. [11] און דאָס לאַנד איז געווען רואיק פערציק יאָר. און עָתניאֵל דער זון פון קנַז איז געשטאָרבן.

[12] און די קינדער פון ישראל האָבן ווידער געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און גאָט האָט געשטאַרקט עֶגלון דעם מלך פון מואָב איבער ישראל, ווייל זיי האָבן געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט. [13] און ער האָט אײַנגעזאַמלט צו זיך די קינדער פון עַמון און עֲמָלֵק, און איז געגאַנגען און האָט געשלאָגן ישראל; און זיי האָבן אײַנגענומען די שטאָט פון טייטלביימער. [14] און די קינדער פון ישראל האָבן געדינט עֶגלון דעם מלך פון מואָב אַכצן יאָר. [15] האָבן די

אֶל־יְהוָה וַיָּקֶם יְהוָה לָהֶם מוֹשִׁיעַ אֶת־אֵהוּד בֶּן־גֵּרָא בֶּן
הַיְמִינִי אִישׁ אִטֵּר יַד־יְמִינוֹ וַיִּשְׁלְחוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּיָדוֹ
טז מִנְחָה לְעֶגְלוֹן מֶלֶךְ מוֹאָב׃ וַיַּעַשׂ לוֹ אֵהוּד חֶרֶב וְלָהּ
שְׁנֵי פֵיוֹת גֹּמֶד אָרְכָּהּ וַיַּחְגֹּר אוֹתָהּ מִתַּחַת לְמַדָּיו עַל יֶרֶךְ
יז יְמִינוֹ׃ וַיַּקְרֵב אֶת־הַמִּנְחָה לְעֶגְלוֹן מֶלֶךְ מוֹאָב וְעֶגְלוֹן
יח אִישׁ בָּרִיא מְאֹד׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר כִּלָּה לְהַקְרִיב אֶת־הַמִּנְחָה
יט וַיְשַׁלַּח אֶת־הָעָם נֹשְׂאֵי הַמִּנְחָה׃ וְהוּא שָׁב מִן־הַפְּסִילִים
אֲשֶׁר אֶת־הַגִּלְגָּל וַיֹּאמֶר דְּבַר־סֵתֶר לִי אֵלֶיךָ הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר
כ הָס וַיֵּצְאוּ מֵעָלָיו כָּל־הָעֹמְדִים עָלָיו׃ וְאֵהוּד ׀ בָּא אֵלָיו
וְהוּא יֹשֵׁב בַּעֲלִיַּת הַמְּקֵרָה אֲשֶׁר־לוֹ לְבַדּוֹ וַיֹּאמֶר אֵהוּד
כא דְּבַר־אֱלֹהִים לִי אֵלֶיךָ וַיָּקָם מֵעַל הַכִּסֵּא׃ וַיִּשְׁלַח אֵהוּד
אֶת־יַד שְׂמֹאלוֹ וַיִּקַּח אֶת־הַחֶרֶב מֵעַל יֶרֶךְ יְמִינוֹ וַיִּתְקָעֶהָ
כב בְּבִטְנוֹ׃ וַיָּבֹא גַם־הַנִּצָּב אַחַר הַלַּהַב וַיִּסְגֹּר הַחֵלֶב בְּעַד
הַלַּהַב כִּי לֹא שָׁלַף הַחֶרֶב מִבִּטְנוֹ וַיֵּצֵא הַפַּרְשְׁדֹנָה׃
כג וַיֵּצֵא אֵהוּד הַמִּסְדְּרוֹנָה וַיִּסְגֹּר דַּלְתוֹת הָעֲלִיָּה בַּעֲדוֹ וְנָעָל׃
כד וְהוּא יָצָא וַעֲבָדָיו בָּאוּ וַיִּרְאוּ וְהִנֵּה דַּלְתוֹת הָעֲלִיָּה נְעֻלוֹת
כה וַיֹּאמְרוּ אַךְ מֵסִיךְ הוּא אֶת־רַגְלָיו בַּחֲדַר הַמְּקֵרָה׃ וַיָּחִילוּ
עַד־בּוֹשׁ וְהִנֵּה אֵינֶנּוּ פֹתֵחַ דַּלְתוֹת הָעֲלִיָּה וַיִּקְחוּ אֶת־
כו הַמַּפְתֵּחַ וַיִּפְתָּחוּ וְהִנֵּה אֲדֹנֵיהֶם נֹפֵל אַרְצָה מֵת׃ וְאֵהוּד
נִמְלַט עַד הִתְמַהְמְהָם וְהוּא עָבַר אֶת־הַפְּסִילִים וַיִּמָּלֵט
כז הַשְּׂעִירָתָה׃ וַיְהִי בְּבוֹאוֹ וַיִּתְקַע בַּשּׁוֹפָר בְּהַר אֶפְרָיִם
כח וַיֵּרְדוּ עִמּוֹ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל מִן־הָהָר וְהוּא לִפְנֵיהֶם׃ וַיֹּאמֶר
אֲלֵהֶם רִדְפוּ אַחֲרַי כִּי־נָתַן יְהוָה אֶת־אֹיְבֵיכֶם אֶת־מוֹאָב
בְּיֶדְכֶם וַיֵּרְדוּ אַחֲרָיו וַיִּלְכְּדוּ אֶת־מַעְבְּרוֹת הַיַּרְדֵּן לְמוֹאָב
כט וְלֹא־נָתְנוּ אִישׁ לַעֲבֹר׃ וַיַּכּוּ אֶת־מוֹאָב בָּעֵת הַהִיא כַּעֲשֶׂרֶת
אֲלָפִים אִישׁ כָּל־שָׁמֵן וְכָל־אִישׁ חָיִל וְלֹא נִמְלַט אִישׁ׃
ל וַתִּכָּנַע מוֹאָב בַּיּוֹם הַהוּא תַּחַת יַד יִשְׂרָאֵל וַתִּשְׁקֹט הָאָרֶץ

טז' הפ' בצרי   יט' קמץ בז"ק   כה' קמץ בז"ק

קינדער פון ישׂראל געשריען צו גאָט, און גאָט האָט זיי אויפגעשטעלט אַ העלפער אֵהוד דעם זון פון גֵראָן, אַ בנימינער, אַ מאַן אַ געלינקטן. און די קינדער פון ישׂראל האָבן געשיקט דורך זיין האַנט אַ מתּנה צו עֶגלון דעם מלך פון מוֹאָב. [16] האָט אֵהוד זיך געמאַכט אַ שווערד וואָס האָט געהאַט צוויי שאַרפן, אַן אייל די לענג; און ער האָט זי אָנגעגורט אונטער זיינע קליידער אויף זיין רעכטן דיך. [17] און ער האָט גענענט די מתּנה צו עֶגלון דעם מלך פון מוֹאָב—און עֶגלון איז געווען זייער אַ פעטער מענטש. [18] און עס איז געווען, ווי ער האָט געענדיקט גענענען די מתּנה, אַזוי האָט ער אַרויסבאַלייט די מענטשן וואָס האָבן גע־טראָגן די מתּנה. [19] און ער אַליין האָט זיך אומגעקערט פון די שטיינהאַקערייען וואָס לעבן גִלגָל, און האָט גע־זאָגט: אַ פאַרבאָרגענע זאַך האָב איך צו דיר, מלך. האָט ער געזאָגט: זאָל זיין שטיל! און אַלע וואָס זיינען גע־שטאַנען אַרום אים, זיינען אַרויסגעגאַנגען פון אים. [20] און אֵהוד איז צוגעקומען צו אים ווי ער זיצט אַליין אין דער קילער אויבערשטוב וואָס ביי אים, און אֵהוד האָט געזאָגט: אַ וואָרט פון גאָט האָב איך צו דיר. איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין שטול. [21] און אֵהוד האָט אויסגעשטרעקט זיין לינקע האַנט, און האָט גענומען זיין שווערד פון זיין רעכטן דיך, און האָט זי אַריינגעשטאָכן אין זיין בויך. [22] און אויך דער שטיל איז אַריין נאָכן קלינג; און דאָס פעטס האָט איינגעשלאָסן דעם קלינג, וואָרום ער האָט די שווערד ניט אַרויסגעצויגן פון זיין בויך; און זי איז אַרויס פון הינטערלייב. [23] און אֵהוד איז אַרויסגעגאַנגען אין פירהויז, און האָט צוגעמאַכט די טירן פון דער אויבערשטוב הינטער זיך, און צוגעשלאָסן. [24] און ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען, אַזוי זיינען אָנגעקומען זיינע קנעכט, און האָבן דערזען, ערשט די טירן פון דער אויבערשטוב זיינען פאַרשלאָסן, און זיי האָבן געזאָגט: מסתּמא איז ער אויף זיין באַדערפעניש[א] אין דער קילקאַמער. [25] אָבער אַז זיי האָבן זיך צו שאַנד גע־וואַרט, ערשט ער עפנט ניט די טירן פון דער אויבערשטוב, האָבן זיי גענומען דעם שליסל, און האָבן געעפנט; ערשט זייער האַר ליגט טויט אויף דער ערד. [26] און אֵהוד איז אַנטרונען געוואָרן בעת זיי האָבן געזאַמט, און ער איז אַריבער די שטיינהאַקערייען, און איז אַנטרונען קיין שְׂעִירָה. [27] און עס איז געווען, ווי ער איז אָנגעקומען, אַזוי האָט ער געבלאָזן אין שופר אין דעם געבערג פון אפרים, און די קינדער פון ישׂראל האָבן אַראָפּגענידערט מיט אים פון דעם געבערג, און ער זיי פאַרויס. [28] און ער האָט צו זיי געזאָגט: יאָגט נאָך הינטער מיר, וואָרום גאָט האָט געגעבן אייערע פיינט, מוֹאָב, אין אייער האַנט. און זיי האָבן אַראָפּגענידערט נאָך אים, און האָבן פאַרכאַפּט די איבערפאָרן פון יַרדן פאַר מוֹאָב, און קיינעם ניט געלאָזט אַריבערגיין. [29] און זיי האָבן געשלאָגן פון מוֹאָב אין יענער צייט אַרום צען טויזנט מאַן, ווו נאָר אַ לייביקער, און ווו נאָר אַ העלדישער מאַן; און קיינער איז ניט אַנטרונען געוואָרן. [30] און מוֹאָב איז געוואָרן אונטער־טעניק אין יענעם טאָג אונטער דער האַנט פון ישׂראל; און דאָס לאַנד איז געווען רואיק אַכציק יאָר.

[א] אין טעקסט: מֵסִיךְ הוּא אֶת רַגְלָיו, פאַרדעקט ער זיינע פיס.

שְׁמוֹנִים שָׁנָה׃ וְאַחֲרָיו הָיָה שַׁמְגַּר בֶּן־עֲנָת וַיַּךְ אֶת־ לא
פְּלִשְׁתִּים שֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ בְּמַלְמַד הַבָּקָר וַיּוֹשַׁע גַּם־הוּא
אֶת־יִשְׂרָאֵל׃

ד

א וַיֹּסִפוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וְאֵהוּד מֵת׃
ב וַיִּמְכְּרֵם יְהוָה בְּיַד יָבִין מֶלֶךְ־כְּנַעַן אֲשֶׁר מָלַךְ בְּחָצוֹר
ג וְשַׂר־צְבָאוֹ סִיסְרָא וְהוּא יוֹשֵׁב בַּחֲרֹשֶׁת הַגּוֹיִם׃ וַיִּצְעֲקוּ
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה כִּי תְּשַׁע מֵאוֹת רֶכֶב־בַּרְזֶל לוֹ
וְהוּא לָחַץ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּחָזְקָה עֶשְׂרִים שָׁנָה׃
ד וּדְבוֹרָה אִשָּׁה נְבִיאָה אֵשֶׁת לַפִּידוֹת הִיא שֹׁפְטָה אֶת־
ה יִשְׂרָאֵל בָּעֵת הַהִיא׃ וְהִיא יוֹשֶׁבֶת תַּחַת־תֹּמֶר דְּבוֹרָה
בֵּין הָרָמָה וּבֵין בֵּית־אֵל בְּהַר אֶפְרָיִם וַיַּעֲלוּ אֵלֶיהָ בְּנֵי
ו יִשְׂרָאֵל לַמִּשְׁפָּט׃ וַתִּשְׁלַח וַתִּקְרָא לְבָרָק בֶּן־אֲבִינֹעַם
מִקֶּדֶשׁ נַפְתָּלִי וַתֹּאמֶר אֵלָיו הֲלֹא־צִוָּה ׀ יְהוָה אֱלֹהֵי־
יִשְׂרָאֵל לֵךְ וּמָשַׁכְתָּ בְּהַר תָּבוֹר וְלָקַחְתָּ עִמְּךָ עֲשֶׂרֶת
ז אֲלָפִים אִישׁ מִבְּנֵי נַפְתָּלִי וּמִבְּנֵי זְבֻלוּן׃ וּמָשַׁכְתִּי אֵלֶיךָ
אֶל־נַחַל קִישׁוֹן אֶת־סִיסְרָא שַׂר־צְבָא יָבִין וְאֶת־רִכְבּוֹ
ח וְאֶת־הֲמוֹנוֹ וּנְתַתִּיהוּ בְּיָדֶךָ׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ בָּרָק אִם־תֵּלְכִי
ט עִמִּי וְהָלָכְתִּי וְאִם־לֹא תֵלְכִי עִמִּי לֹא אֵלֵךְ׃ וַתֹּאמֶר הָלֹךְ
אֵלֵךְ עִמָּךְ אֶפֶס כִּי לֹא תִהְיֶה תִּפְאַרְתְּךָ עַל־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־
אַתָּה הוֹלֵךְ כִּי בְיַד־אִשָּׁה יִמְכֹּר יְהוָה אֶת־סִיסְרָא וַתָּקָם
י דְּבוֹרָה וַתֵּלֶךְ עִם־בָּרָק קֶדְשָׁה׃ וַיַּזְעֵק בָּרָק אֶת־זְבוּלֻן
וְאֶת־נַפְתָּלִי קֶדְשָׁה וַיַּעַל בְּרַגְלָיו עֲשֶׂרֶת אַלְפֵי אִישׁ וַתַּעַל
יא עִמּוֹ דְּבוֹרָה׃ וְחֶבֶר הַקֵּינִי נִפְרָד מִקַּיִן מִבְּנֵי חֹבָב חֹתֵן
יב מֹשֶׁה וַיֵּט אָהֳלוֹ עַד־אֵלוֹן בְּצַעֲנִּים אֲשֶׁר אֶת־קֶדֶשׁ׃ וַיַּגִּדוּ
יג לְסִיסְרָא כִּי עָלָה בָּרָק בֶּן־אֲבִינֹעַם הַר־תָּבוֹר׃ וַיַּזְעֵק
סִיסְרָא אֶת־כָּל־רִכְבּוֹ תְּשַׁע מֵאוֹת רֶכֶב בַּרְזֶל וְאֶת־כָּל־

ד, ד׳ הפטרת בשלח לאשכנזים   יא׳ ס״א דר׳ בקמץ   בצעננים קרי

31 און נאָך אים איז געווען שַׁמְגַּר דער זון פון עֲנָתן, וואָס האָט געשלאָגן פון די פלשתים זעקס הונדערט מאַן מיט אַן אָקסשטעקן. און ער אויך האָט געהאָלפן ישׂראל.

ד

1 און די קינדער פון ישׂראל האָבן ווידער געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, ווען אֵהוד איז געשטאָרבן. 2 און גאָט האָט זיי איבערגעענטפערט אין דער האַנט פון יָבין דעם מלך פון כּנַען, וואָס האָט געקיניגט אין חָצוֹר; און דער פירער פון זיין חיל איז געווען סיסראָ, וואָס איז געזעסן אין חֲרוֹשֶׁת־גוֹיִם. 3 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געשריען צו גאָט; וואָרום ניין הונדערט אַייזערנע רייטוועגן האָט ער געהאַט, און ער האָט שטאַרק געדריקט די קינדער פון ישׂראל צוואַנציק יאָר.

4 און דבוֹרה אַ פרוי אַ נביאה, די ווייב פון לַפִּידוֹתן, זי האָט געמשפּט ישׂראל אין יענער צייט. 5 און זי איז געזעסן אונטער דבוֹרהס טייטלבוים צווישן רָמָה און צווישן בֵּית־אֵל אין דעם געבערג פון אפרים, און די קינדער פון ישׂראל זיינען אַרויפגעגאַנגען צו איר צו משפּט. 6 האָט זי געשיקט און האָט גערופן בָּרָק דעם זון פון אֲבִינוֹעַם פון קֶדֶשׁ־נפתלי, און האָט צו אים געזאָגט: פאַרוואָר, יהוה דער גאָט פון ישׂראל האָט באַפוילן: גיי און זאָלסט ציען צום באַרג תָּבוֹר, און נעמען מיט דיר צען טויזנט מאַן פון די קינדער פון נפתלי און פון די קינדער פון זבולון. 7 און איך וועל אַריבערציען צו דיר, צום טייך קישון, סיסראָ דעם פירער פון יָבינס חיל, מיט זיינע רייטוועגן און זיין מחנה, און איך וועל אים געבן אין דיין האַנט. 8 האָט בָּרָק צו איר געזאָגט: אויב דו וועסט גיין מיט מיר, וועל איך גיין, אויב אָבער דו וועסט ניט גיין מיט מיר, וועל איך ניט גיין. 9 האָט זי געזאָגט: גיין וועל איך גיין מיט דיר, אָבער ניט דיינער וועט זיין דער כּבוד אויף דעם וועג וואָס דו גייסט, וואָרום אין דער האַנט פון אַ פרוי וועט גאָט איבערענטפערן סיסראָן.

און דבוֹרה איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען מיט בָּרָקן קיין קֶדֶשׁ. 10 און בָּרָק האָט צונויפגערופן זבולון און נפתלי קיין קֶדֶשׁ, און צען טויזנט מאַן זיינען אַרויפגעגאַנגען הינטער אים; און דבוֹרה איז אַרויפגעגאַנגען מיט אים.

11 און חֶבֶר דער קֵינִי האָט זיך געהאַט אָפּגעשיידט פון קַיִן, פון די קינדער פון חוֹבָב, משהס שווער, און האָט אויפגעשטעלט זיין געצעלט ביז אֵלוֹן־בְּצַעֲנַנִּים וואָס לעבן קֶדֶשׁ.

12 האָט מען אָנגעזאָגט סיסראָן אַז בָּרָק דער זון פון אֲבִינוֹעַמען איז אַרויפגעגאַנגען צום באַרג תָּבוֹר. 13 און סיסראָ האָט איינגעזאַמלט אַלע זיינע רייטוועגן—ניין הונדערט אַייזערנע רייטוועגן, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים, פון חֲרוֹשֶׁת־גוֹיִם צום טייך קישון.

14 און דבורה האָט געזאָגט צו בָּרָקן: שטיי אויף!
וואָרום דאָס איז דער טאָג וואָס גאָט האָט געגעבן סיסראָן
אין דיין האַנט; פאַרוואָר, גאָט איז אַרויסגעגאַנגען דיר
פאַרויס.
האָט בָּרָק אַראָפּגענידערט פון באַרג תָּבוֹר, און צען
טויזנט מאַן נאָך אים. 15 און גאָט האָט פאַרטומלט סיסראָן
און אַלע רייטוועגן און דעם גאַנצן חיל מיטן שאַרף פון
שווערד פאַר בָּרָקן; און סיסראָ האָט אַראָפּגענידערט
פון זיין רייטוואָגן, און איז אַנטלאָפן צו פוס. 16 און בָּרָק
האָט נאָכגעיאָגט די רייטוועגן און דעם חיל ביז חֲרוֹשֶׁת־
גוֹיִם, און דער גאַנצער חיל פון סיסראָן איז געפאַלן דורכן
שאַרף פון שווערד; ניט געבליבן צומאָל איינער.
17 און סיסראָ איז געלאָפן צו פוס צום געצעלט פון
יָעֵל דער ווייב פון חֶבֶר דעם קֵיני; וואָרום שלום איז גע־
ווען צווישן יָבִין דעם מלך פון חָצוֹר און צווישן דעם הויז
פון חֶבֶר דעם קֵיני. 18 און יָעֵל איז אַרויסגעקומען סיסראָן
אַנטקעגן, און האָט צו אים געזאָגט: קער איין, מיין האַר,
קער איין צו מיר; זאָלסט ניט מורא האָבן. האָט ער איינ־
קערט צו איר אין געצעלט, און זי האָט אים צוגעדעקט
מיט אַ דעקע. 19 האָט ער צו איר געזאָגט: גיב מיר, איך
בעט דיך, טרינקען אַ ביסל וואַסער, וואָרום איך בין
דאָרשטיק. האָט זי געעפנט דעם לאָגל מילך, און האָט
אים געגעבן טרינקען, און האָט אים צוגעדעקט. 20 האָט
ער געזאָגט: שטעל זיך אין איינגאַנג פון געצעלט, און עס
וועט זיין, אַז עמיצער וועט קומען, און וועט דיך פרעגן
און זאָגן: איז דאָ פאַראַן אַ מאַן? זאָלסטו זאָגן: ניין.
21 האָט יָעֵל די ווייב פון חֶבֶרן גענומען אַ געצעלטפלעקל, און אַריינגעטאָן דעם האַמער אין איר האַנט, און
זי איז שטילערהייט צוגעגאַנגען צו אים, און האָט אַריינגעהאַקט דאָס פלעקל אין זיין שלייף, ביז עס איז אַריין אין דער
ערד, און ווי ער איז געשלאָפן, אַזוי האָט ער געחלשט און איז געשטאָרבן.
22 ערשט בָּרָק יאָגט נאָך סיסראָן; איז אים יָעֵל אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן, און האָט צו אים געזאָגט: קום און איך
וועל דיר ווייזן דעם מאַן וואָס דו זוכסט. איז ער אַריינגעגאַנגען צו איר, ערשט סיסראָ ליגט טויט מיטן פלעקל אין זיין
שלייף.
23 און גאָט האָט געמאַכט אונטערטעניק אין יענעם טאָג יָבִין דעם מלך פון כּנַעַן פאַר די קינדער פון ישׂראל. 24 און
די האַנט פון די קינדער פון ישׂראל איז געוואָרן אַלץ שווערער אויף יָבִין דעם מלך פון כּנַעַן, ביז וואַנען זיי האָבן פאַר־
שניטן יָבִין דעם מלך פון כּנַעַן.

ה 1 האָט געזונגען דבורה און בָּרָק דער זון פון אַבינוֹעַמען אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן:
2 אַז מע לאָזט די האָר ווילד אין ישׂראל,
אַז דאָס פאָלק באָט זיך פרייוויליק אָן,

יד הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ מֵחֲרֹשֶׁת הַגּוֹיִם אֶל־נַחַל קִישׁוֹן׃ וַתֹּאמֶר
דְּבֹרָה אֶל־בָּרָק קוּם כִּי זֶה הַיּוֹם אֲשֶׁר נָתַן יְהוָה אֶת־
סִיסְרָא בְּיָדֶךָ הֲלֹא יְהוָה יָצָא לְפָנֶיךָ וַיֵּרֶד בָּרָק מֵהַר
טו תָּבוֹר וַעֲשֶׂרֶת אֲלָפִים אִישׁ אַחֲרָיו׃ וַיָּהָם יְהוָה אֶת־
סִיסְרָא וְאֶת־כָּל־הָרֶכֶב וְאֶת־כָּל־הַמַּחֲנֶה לְפִי־חֶרֶב לִפְנֵי
טז בָרָק וַיֵּרֶד סִיסְרָא מֵעַל הַמֶּרְכָּבָה וַיָּנָס בְּרַגְלָיו׃ וּבָרָק
רָדַף אַחֲרֵי הָרֶכֶב וְאַחֲרֵי הַמַּחֲנֶה עַד חֲרֹשֶׁת הַגּוֹיִם וַיִּפֹּל
יז כָּל־מַחֲנֵה סִיסְרָא לְפִי־חֶרֶב לֹא נִשְׁאַר עַד־אֶחָד׃ וְסִיסְרָא
נָס בְּרַגְלָיו אֶל־אֹהֶל יָעֵל אֵשֶׁת חֶבֶר הַקֵּינִי כִּי שָׁלוֹם בֵּין
יח יָבִין מֶלֶךְ־חָצוֹר וּבֵין בֵּית חֶבֶר הַקֵּינִי׃ וַתֵּצֵא יָעֵל לִקְרַאת
סִיסְרָא וַתֹּאמֶר אֵלָיו סוּרָה אֲדֹנִי סוּרָה אֵלַי אַל־תִּירָא
יט וַיָּסַר אֵלֶיהָ הָאֹהֱלָה וַתְּכַסֵּהוּ בַּשְּׂמִיכָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ
הַשְׁקִינִי־נָא מְעַט־מַיִם כִּי צָמֵאתִי וַתִּפְתַּח אֶת־נֹאוד הֶחָלָב
כ וַתַּשְׁקֵהוּ וַתְּכַסֵּהוּ׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ עֲמֹד פֶּתַח הָאֹהֶל וְהָיָה
אִם־אִישׁ יָבֹא וּשְׁאֵלֵךְ וְאָמַר הֲיֵשׁ־פֹּה אִישׁ וְאָמַרְתְּ אָיִן׃
כא וַתִּקַּח יָעֵל אֵשֶׁת־חֶבֶר אֶת־יְתַד הָאֹהֶל וַתָּשֶׂם אֶת־הַמַּקֶּבֶת
בְּיָדָהּ וַתָּבוֹא אֵלָיו בַּלָּאט וַתִּתְקַע אֶת־הַיָּתֵד בְּרַקָּתוֹ
כב וַתִּצְנַח בָּאָרֶץ וְהוּא־נִרְדָּם וַיָּעַף וַיָּמֹת׃ וְהִנֵּה בָרָק רֹדֵף
אֶת־סִיסְרָא וַתֵּצֵא יָעֵל לִקְרָאתוֹ וַתֹּאמֶר לוֹ לֵךְ וְאַרְאֶךָּ
אֶת־הָאִישׁ אֲשֶׁר־אַתָּה מְבַקֵּשׁ וַיָּבֹא אֵלֶיהָ וְהִנֵּה סִיסְרָא
כג נֹפֵל מֵת וְהַיָּתֵד בְּרַקָּתוֹ׃ וַיַּכְנַע אֱלֹהִים בַּיּוֹם הַהוּא אֵת
כד יָבִין מֶלֶךְ־כְּנָעַן לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַתֵּלֶךְ יַד בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל
הָלוֹךְ וְקָשָׁה עַל יָבִין מֶלֶךְ־כְּנָעַן עַד אֲשֶׁר הִכְרִיתוּ אֵת
יָבִין מֶלֶךְ־כְּנָעַן׃

ה

א וַתָּשַׁר דְּבוֹרָה וּבָרָק בֶּן־אֲבִינֹעַם בַּיּוֹם הַהוּא
ב לֵאמֹר׃ בִּפְרֹעַ פְּרָעוֹת בְּיִשְׂרָאֵל בְּהִתְנַדֵּב

ד, יח׳ מלרע   יט׳ חסר א׳   מלא ואו   כא׳ א׳ נחה   ס״א הד׳ בקמץ
ה, א׳ הספרדים מתחילין כאן

עַם בָּרְכוּ יְהוָה׃ שִׁמְעוּ מְלָכִים הַאֲזִינוּ ג
רֹזְנִים אָנֹכִי לַיהוָה אָנֹכִי אָשִׁירָה אֲזַמֵּר
לַיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ יְהוָה בְּצֵאתְךָ ד
מִשֵּׂעִיר בְּצַעְדְּךָ מִשְּׂדֵה אֱדוֹם אֶרֶץ
רָעָשָׁה גַּם־שָׁמַיִם נָטָפוּ גַּם־עָבִים נָטְפוּ
מָיִם׃ הָרִים נָזְלוּ מִפְּנֵי יְהוָה זֶה ה
סִינַי מִפְּנֵי יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ בִּימֵי שַׁמְגַּר בֶּן ו
עֲנָת בִּימֵי יָעֵל חָדְלוּ אֳרָחוֹת וְהֹלְכֵי
נְתִיבוֹת יֵלְכוּ אֳרָחוֹת עֲקַלְקַלּוֹת׃ חָדְלוּ פְרָזוֹן בְּיִשְׂרָאֵל ז
חָדֵלּוּ עַד שַׁקַּמְתִּי דְּבוֹרָה שַׁקַּמְתִּי
אֵם בְּיִשְׂרָאֵל׃ יִבְחַר אֱלֹהִים ח
חֲדָשִׁים אָז לָחֶם שְׁעָרִים מָגֵן
אִם־יֵרָאֶה וָרֹמַח בְּאַרְבָּעִים אֶלֶף
בְּיִשְׂרָאֵל׃ לִבִּי לְחוֹקְקֵי יִשְׂרָאֵל הַמִּתְנַדְּבִים ט
בָּעָם בָּרְכוּ יְהוָה׃ רֹכְבֵי אֲתֹנוֹת י
צְחֹרוֹת יֹשְׁבֵי עַל־מִדִּין וְהֹלְכֵי
עַל־דֶּרֶךְ שִׂיחוּ׃ מִקּוֹל מְחַצְצִים בֵּין יא
מַשְׁאַבִּים שָׁם יְתַנּוּ צִדְקוֹת יְהוָה צִדְקֹת
פִּרְזוֹנוֹ בְּיִשְׂרָאֵל אָז יָרְדוּ לַשְּׁעָרִים עַם־
יְהוָה׃ עוּרִי עוּרִי דְּבוֹרָה עוּרִי יב
עוּרִי דַּבְּרִי־שִׁיר קוּם בָּרָק וּשְׁבֵה שֶׁבְיְךָ בֶּן
אֲבִינֹעַם׃ אָז יְרַד שָׂרִיד לְאַדִּירִים עָם יְהוָה יג
יְרַד־לִי בַּגִּבּוֹרִים׃ מִנִּי אֶפְרַיִם שָׁרְשָׁם יד
בַּעֲמָלֵק אַחֲרֶיךָ בִנְיָמִין בַּעֲמָמֶיךָ מִנִּי
מָכִיר יָרְדוּ מְחֹקְקִים וּמִזְּבוּלֻן מֹשְׁכִים בְּשֵׁבֶט
סֹפֵר׃ וְשָׂרַי בְּיִשָּׂשכָר עִם־דְּבֹרָה וְיִשָּׂשכָר טו
כֵּן בָּרָק בָּעֵמֶק שֻׁלַּח

ד׳ קמץ בזיק ז׳ השי בפתח יב׳ מלרע

טוט לויבן גאָט!
3 הערט איר מלכים, פאַרנעמט איר פירשטן,
איך, צו יהוה וועל איך זינגען,
איך וועל שפּילן צו יהוה דעם גאָט פון ישראל.

4 גאָט, אַז דו ביסט פון שֵׂעִיר אַרויס,
אַז דו האָסט פון אֱדוֹמס פעלד געשפּרייזט,
האָט די ערד געציטערט,
אויך די הימלען האָבן געטריפט,
יאָ, וואָלקנס האָבן וואַסער געטריפט.
5 בערג זיינען צערונען פאַר יהוה,
דערדאָזיקער סיני—פאַר יהוה דעם גאָט פון ישראל.

6 אין די טעג פון שַׁמְגַר דעם זון פון עֲנָת,
אין די טעג פון יָעֵל, האָבן שליאַכן אויפגעהערט,
און וועגגייער פלעגן אויף קרומע שטעגן גיין.
7 אויפגעהערט האָבן פּירער אין ישראל, אויפגעהערט,
ביז דו דבורה ביסט אויפגעשטאַנען,
אויפגעשטאַנען אַ מוטער אין ישראל.

8 נייַע געטער האָט מען אויסדערוויילט,
דרום איז מלחמה געווען אין די טויערן;
אויב אַ שילד און אַ שפּיז איז אָנצוזען געווען
אין פערציק טויזנט אין ישראל!

9 מיין האַרץ צו די הערשער פון ישראל,
די פרייוויליקע צווישן דעם פאָלק;
טוט לויבן גאָט!

10 איר וואָס רייט אויף אייזעלינס ווייסע,
איר וואָס זיצט אויף דעקעס,
און איר וואָס גייט אויפן וועג,
רעדט דערפון!
11 מער ווי ליאַרעם פון פיילשיסערס
איז צווישן די שעפּקאַריטעס;
דאָרטן דערציילט מען די גערעכטיקייטן פון גאָט,
די גערעכטיקייטן פון זיין פירערשאַפט אין
ישראל.
דענסמאָל האָט געגידערט
גאָטס פאָלק צו די טויערן.

12 דערוועק דיך, דערוועק דיך, דבורה,
דערוועק דיך, דערוועק דיך, רעד געזאַנג!
שטיי אויף, בָּרָק,
און פאַנג דיין געפאַנג, זון פון אֲבִינוֹעַם!
13 דענסמאָל האָט ער אַן איבערבלייב געמאַכט געוועלטיקן
איבער אַ מאַכטיקן פאָלק;
גאָט האָט מיך געמאַכט געוועלטיקן
איבער די גיבורים.

14 פון אפרים זיינען געקומען די וואָס וואָרצלען אין עֲמָלֵק,
נאָך דיר, בנימין, מיט דיינע מחנות;
פון מָכִיר האָבן הערשער געגידערט,
און פון זבולון די וואָס טראָגן אַ שרייבערשטאָק.
15 און די האַרן אין יִשָּׂשכָר מיט דבורהן;
און יִשָּׂשכָר ווי בָּרָק
האָט געלאָזט זיך אין טאָל, הינטער אים.

בײַ די טײלן פֿון ראובן
איז דער איבערלייג געווען גרויס.
16 וואָס ביסטו געזעסן צווישן די שאָפֿגעהעפֿטן,
צו הערן דאָס מעקן פֿון סטאַדעס?
בײַ די טײלן פֿון ראובן
איז דער איבערקלער געווען גרויס.

17 גלעָד האָט אויף יענער זײַט יַרדן גערוט;
און דָן פֿאַרוואָס ווײלט בײַ די שיפֿן?
אָשר איז געזעסן בײַם בּאָרטן פֿון ים,
און בײַ זײַנע אויסגוסן געטאָן רוען.

18 זבולון איז אַ פֿאָלק
וואָס האָט אײַנגעשטעלט זײַן זעל צום טויט,
און נפֿתלי—
אויף די הײכן פֿון פֿעלד.
19 מלכים זײַנען געקומען, מלחמה געהאַלטן,
דענסמאָל האָבן מלחמה געהאַלטן די מלכים פֿון כּנַעַן
אין תַּעֲנָך בײַ די וואַסערן פֿון מגדו;
קײן רויב פֿון זילבער האָבן זײ ניט געקריגן.
20 פֿון הימל האָט מען מלחמה געהאַלטן,
די שטערן פֿון זײערע שטעגן
האָבן מלחמה געהאַלטן מיט סיסראָן.
21 טײַך קישון האָט זײ אַוועקגעפֿלײצט,
טײַך אַלטער, טײַך קישון.
טרעט אויף מיט מאַכט, מײַן זעל!
22 דענסמאָל האָבן געקלאַפּט די טריט פֿון פֿערד,
פֿון די שפּרונגען, די שפּרונגען פֿון זײַנע אַגערס.

23 שילט מֵרוֹז, האָט געזאָגט דער מלאך פֿון גאָט,
שילט שילט אירע באַוווינער,
ווײַל זײ זײַנען ניט געקומען צו דער הילף פֿון גאָט,
צו דער הילף פֿון גאָט, צווישן די גיבורים.

24 געבענטשטער פֿון אַלע ווײַבער זאָל זײַן יָעֵל,
די ווײַב פֿון חֶבֶר דעם קֵיני,
פֿון אַלע ווײַבער אין געצעלט זײַן געבענטשטער.

בִּרְגְלָיו בִּפְלַגּוֹת רְאוּבֵן גְּדֹלִים
טז חִקְקֵי־לֵב׃ לָמָּה יָשַׁבְתָּ בֵּין
הַמִּשְׁפְּתַיִם לִשְׁמֹעַ שְׁרִקוֹת עֲדָרִים לִפְלַגּוֹת
יז רְאוּבֵן גְּדוֹלִים חִקְרֵי־לֵב׃ גִּלְעָד בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן
שָׁכֵן וְדָן לָמָּה יָגוּר אֳנִיּוֹת אָשֵׁר
יָשַׁב לְחוֹף יַמִּים וְעַל־מִפְרָצָיו
יח יִשְׁכּוֹן׃ זְבֻלוּן עַם חֵרֵף נַפְשׁוֹ לָמוּת וְנַפְתָּלִי
יט עַל מְרוֹמֵי שָׂדֶה׃ בָּאוּ מְלָכִים
נִלְחָמוּ אָז נִלְחֲמוּ מַלְכֵי כְנַעַן בְּתַעְנַךְ
עַל־מֵי מְגִדּוֹ בֶּצַע כֶּסֶף לֹא
כ לָקָחוּ׃ מִן־שָׁמַיִם נִלְחָמוּ הַכּוֹכָבִים
כא מִמְּסִלּוֹתָם נִלְחֲמוּ עִם סִיסְרָא׃ נַחַל קִישׁוֹן
גְּרָפָם נַחַל קְדוּמִים נַחַל קִישׁוֹן תִּדְרְכִי
כב נַפְשִׁי עֹז׃ אָז הָלְמוּ עִקְּבֵי־
כג סוּס מִדַּהֲרוֹת דַּהֲרוֹת אַבִּירָיו׃ אוֹרוּ
מֵרוֹז אָמַר מַלְאַךְ יְהוָה אֹרוּ אָרוֹר
יֹשְׁבֶיהָ כִּי לֹא־בָאוּ לְעֶזְרַת יְהוָה לְעֶזְרַת
כד יְהוָה בַּגִּבּוֹרִים׃ תְּבֹרַךְ מִנָּשִׁים
יָעֵל אֵשֶׁת חֶבֶר הַקֵּינִי מִנָּשִׁים
כה בָּאֹהֶל תְּבֹרָךְ׃ מַיִם שָׁאַל חָלָב
כו נָתָנָה בְּסֵפֶל אַדִּירִים הִקְרִיבָה חֶמְאָה׃ יָדָהּ
לַיָּתֵד תִּשְׁלַחְנָה וִימִינָהּ לְהַלְמוּת
עֲמֵלִים וְהָלְמָה סִיסְרָא מָחֲקָה רֹאשׁוֹ וּמָחֲצָה
כז וְחָלְפָה רַקָּתוֹ׃ בֵּין רַגְלֶיהָ כָּרַע נָפַל
שָׁכָב בֵּין רַגְלֶיהָ כָּרַע נָפָל בַּאֲשֶׁר
כח כָּרַע שָׁם נָפַל שָׁדוּד׃ בְּעַד הַחַלּוֹן נִשְׁקְפָה
וַתְּיַבֵּב אֵם סִיסְרָא בְּעַד הָאֶשְׁנָב מַדּוּעַ

יט׳ קמץ בז״ק  כו׳ קמץ בז״ק

25 וואַסער האָט ער געבעטן, מילך האָט זי געגעבן,
אין אַ קרוג פֿון פֿירשטן האָט זי שמאַנט דערלאַנגט.
26 איר האַנט האָט זי אויסגעשטרעקט צום פּלעקל,
און איר רעכטע צום אַרבעטערהאַמער,
און געהאַמערט סיסראָן, צעקלאַפּט זײַן קאָפּ,
און געלעכערט און דורכגעהאַקט זײַן שלייף.
27 צו אירע פֿיס האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט,
געפֿאַלן, געלעגן;
צו אירע פֿיס זיך אַראָפּגעלאָזט, געפֿאַלן;
ווו זיך אַראָפּגעלאָזט, דאָרט דערהרגעט געפֿאַלן.

28 דורכן פֿענצטער האָט געקוקט און געיאָמערט,
דורך דער פֿאַרטקע, די מוטער פֿון סיסראָן:

בְּשֵׁשׁ רִכְבּוֹ לָבוֹא    מַדּוּעַ אֶחֱרוּ פַּעֲמֵי
מַרְכְּבוֹתָיו׃    חַכְמוֹת שָׂרוֹתֶיהָ תַּעֲנֶינָּה    אַף־ כט
הִיא תָּשִׁיב אֲמָרֶיהָ לָהּ׃    הֲלֹא יִמְצְאוּ יְחַלְּקוּ ל
שָׁלָל    רַחַם רַחֲמָתַיִם לְרֹאשׁ גֶּבֶר    שְׁלַל
צְבָעִים לְסִיסְרָא    שְׁלַל צְבָעִים
רִקְמָה    צֶבַע רִקְמָתַיִם לְצַוְּארֵי שָׁלָל׃    כֵּן לא
יֹאבְדוּ כָל־אוֹיְבֶיךָ יְהוָה    וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ
בִּגְבֻרָתוֹ    וַתִּשְׁקֹט הָאָרֶץ    אַרְבָּעִים שָׁנָה׃ *

ו

וַיַּעֲשׂוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיִּתְּנֵם יְהוָה בְּיַד־ א
מִדְיָן שֶׁבַע שָׁנִים׃ וַתָּעָז יַד־מִדְיָן עַל־יִשְׂרָאֵל מִפְּנֵי מִדְיָן ב
עָשׂוּ־לָהֶם ׀ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־הַמִּנְהָרוֹת אֲשֶׁר בֶּהָרִים
וְאֶת־הַמְּעָרוֹת וְאֶת־הַמְּצָדוֹת׃ וְהָיָה אִם־זָרַע יִשְׂרָאֵל ג
וְעָלָה מִדְיָן וַעֲמָלֵק וּבְנֵי־קֶדֶם וְעָלוּ עָלָיו׃ וַיַּחֲנוּ עֲלֵיהֶם ד
וַיַּשְׁחִיתוּ אֶת־יְבוּל הָאָרֶץ עַד־בּוֹאֲךָ עַזָּה וְלֹא־יַשְׁאִירוּ
מִחְיָה בְּיִשְׂרָאֵל וְשֶׂה וָשׁוֹר וַחֲמוֹר׃ כִּי הֵם וּמִקְנֵיהֶם ה
יַעֲלוּ וְאָהֳלֵיהֶם יָבֹאוּ כְדֵי־אַרְבֶּה לָרֹב וְלָהֶם וְלִגְמַלֵּיהֶם
אֵין מִסְפָּר וַיָּבֹאוּ בָאָרֶץ לְשַׁחֲתָהּ׃ וַיִּדַּל יִשְׂרָאֵל מְאֹד ו
מִפְּנֵי מִדְיָן וַיִּזְעֲקוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה׃    וַיְהִי כִּי־ ז
זָעֲקוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה עַל אֹדוֹת מִדְיָן׃ וַיִּשְׁלַח יְהוָה ח
אִישׁ נָבִיא אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר לָהֶם כֹּה־אָמַר יְהוָה ׀
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אָנֹכִי הֶעֱלֵיתִי אֶתְכֶם מִמִּצְרַיִם וָאֹצִיא
אֶתְכֶם מִבֵּית עֲבָדִים׃ וָאַצִּל אֶתְכֶם מִיַּד מִצְרַיִם וּמִיַּד ט
כָּל־לֹחֲצֵיכֶם וָאֲגָרֵשׁ אוֹתָם מִפְּנֵיכֶם וָאֶתְּנָה לָכֶם אֶת־
אַרְצָם׃ וָאֹמְרָה לָכֶם אֲנִי יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם לֹא תִירְאוּ אֶת־ י
אֱלֹהֵי הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר אַתֶּם יוֹשְׁבִים בְּאַרְצָם וְלֹא שְׁמַעְתֶּם
בְּקוֹלִי׃    וַיָּבֹא מַלְאַךְ יְהוָה וַיֵּשֶׁב תַּחַת הָאֵלָה אֲשֶׁר יא

ה, כט׳ הג׳ בדגש    לא׳ ע״כ    ו, ה׳ ובאו קרי

וואָס זאַמט זיך זיין רייטוואָגן צו קומען?
וואָס שפּעטיקן זיך די טריט פון זיינע געשפּאַנען?
29 די קלוגע פון אירע שׂרוֹתטעס ענטפערן,
יאָ, זי אַליין גיט אַן ענטפער צו זיך:
30 פאַרוואָר, זיי געפינען, זיי טיילן דעם רויב,
אַ מיידל, צוויי מיידלעך פאַר איטלעכן מאַן;
רויב פון פאַרבן פאַר סיסראָן,
רויב פון פאַרבן געשטיקטע,
פאַרבשטיקערייען פאַרן רויבנעמערס האַלדז.

31 אַזוי זאָלן אונטערגיין אַלע פיינט דיינע, גאָט!
און זיינע ליבהאָבער זאָלן זיין
ווי דער אויפגאַנג פון דער זון אין איר שטאַרקייט.

און דאָס לאַנד איז געווען רואיק פערציק יאָר.

ו 1 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געטאָן וואָס איז
שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און גאָט האָט זיי גע־
געבן אין דער האַנט פון מִדיָן זיבן יאָר. 2 און די האַנט
פון מִדיָן איז געווען שטאַרק אויף ישׂראל. פון וועגן מִדיָן
האָבן די קינדער פון ישׂראל זיך געמאַכט די גריבער וואָס
אין די בערג, און די היילן, און די פעסטונגען. 3 און עס
איז געווען, אַז ישׂראל האָט געזייט, אַזוי פלעגט אַרויפגיין
מִדיָן, און עַמָלֵק, און די קינדער פון מזרח; און זיי פלעגן
אַרויפקומען אויף זיי, 4 און האָבן געלעגערט אויף זיי, און פאַרוויסט די תּבואה פון לאַנד ביז דו קומסט קיין
עַזָה, און זיי פלעגן ניט איבערלאָזן קיין דערנערונג אין ישׂראל, צומאָל אַ שעפּס, אָדער אַן אָקס, אָדער אַן אייזל.
5 וואָרום זיי און זייערע פי פלעגן אַרויפגיין, מיט זייערע געצעלטן, און פלעגן קומען אַזוי ווי דער היישעריק אין פיל־
קייט, און צו זיי און צו זייערע קעמלען איז ניט געווען קיין צאָל, און זיי זיינען געקומען אין לאַנד כּדי עס צו פאַרוויסטן.
6 און ישׂראל איז זייער פאַראָרימט געוואָרן פון וועגן מִדיָן; און די קינדער פון ישׂראל האָבן געשריען צו גאָט.
7 און עס איז געווען, אַז די קינדער פון ישׂראל האָבן געשריען צו גאָט פון וועגן מִדיָן, 8 האָט גאָט געשיקט אַ מאַן
אַ נביא צו די קינדער פון ישׂראל, און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל: איך האָב
אייך אויפגעבראַכט פון מִצרַיִם, און האָב אייך אַרויסגעצויגן פון דעם הויז פון קנעכטשאַפט; 9 און איך האָב אייך מציל
געווען פון דער האַנט פון מִצרַיִם, און פון דער האַנט פון אַלע אייערע דריקער, און איך האָב זיי פאַרטריבן פון פאַר
אייך, און האָב אייך געגעבן זייער לאַנד. 10 און איך האָב צו אייך געזאָגט: איך בין יהוה אייער גאָט; איר זאָלט ניט
פאָרכטן די געטער פון די אֶמוֹרים וואָס איר זיצט אין זייער לאַנד; אָבער איר האָט ניט צוגעהערט צו מיין קול.
11 און אַ מלאך פון גאָט איז געקומען, און האָט זיך געזעצט אונטער דעם אייכנבוים וואָס אין עָפרָה,

וואָס האָט געהערט צו יוֹאָש דעם אֲביעזרער; און זיין זון גִדְעוֹן האָט געקלאַפּט ווייץ אין קעלטער, כּדי אויסצו־באַהאַלטן פון מִדְיָן. 12 האָט דער מלאך פון גאָט זיך באַוויזן צו אים, און האָט צו אים געזאָגט: גאָט מיט דיר, העלדישער גיבור! 13 האָט גִדְעוֹן צו אים געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַר, אויב גאָט איז מיט אונדז, טאָ פאַר־וואָס האָט דאָס אַלץ אונדז געטראָפן? און ווו זיינען אַלע זיינע וואונדער, וואָס אונדזערע עלטערן האָבן אונדז דער־ציילט, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָר, גאָט האָט אונדז אויפגע־בראַכט פון מִצרַיִם? און אַצונד האָט אונדז גאָט פאַרלאָזן, און האָט אונדז געגעבן אין דער האַנט פון מִדְיָן.

14 האָט גאָט זיך געקערט צו אים, און האָט געזאָגט: גיי מיט דיין דאָזיקן כּוח, און זאָלסט העלפן ישׂראל פון דער האַנט פון מִדְיָן; פאַרוואָר, איך האָב דיך געשיקט.

15 האָט ער צו אים געזאָגט: איך בעט דיך, גאָט! מיט וואָס זאָל איך העלפן ישׂראל? זע, מיין משפּחה איז די אָרימסטע אין מנשה, און איך בין דער מינדסטער אין מיין פאָטערס הויז.

16 האָט גאָט צו אים געזאָגט: אָבער איך וועל זיין מיט דיר, און וועסט שלאָגן מִדְיָן אַזוי ווי איין מאַן.

17 האָט ער צו אים געזאָגט: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, זאָלסטו מיר מאַכן אַ צייכן אַז דו רעדסט דאָס מיט מיר. 18 זאָלסט זיך ניט אָפּטאָן פון דאַנען, איך בעט דיך, ביז איך קום צוריק צו דיר, און וועל אַרויסטראָגן מיין געשאַנק, און אַוועקלייגן פאַר דיר. האָט ער געזאָגט: איך וועל בלייבן ביז דו קערסט זיך אום.

בְּעָפְרָה אֲשֶׁר לְיוֹאָשׁ אֲבִי הָעֶזְרִי וְגִדְעוֹן בְּנוֹ חֹבֵט חִטִּים
יב בַּגַּת לְהָנִיס מִפְּנֵי מִדְיָן׃ וַיֵּרָא אֵלָיו מַלְאַךְ יְהוָה וַיֹּאמֶר
יג אֵלָיו יְהוָה עִמְּךָ גִּבּוֹר הֶחָיִל׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו גִּדְעוֹן בִּי
אֲדֹנִי וְיֵשׁ יְהוָה עִמָּנוּ וְלָמָּה מְצָאַתְנוּ כָּל־זֹאת וְאַיֵּה
כָל־נִפְלְאֹתָיו אֲשֶׁר סִפְּרוּ־לָנוּ אֲבוֹתֵינוּ לֵאמֹר הֲלֹא
מִמִּצְרַיִם הֶעֱלָנוּ יְהוָה וְעַתָּה נְטָשָׁנוּ יְהוָה וַיִּתְּנֵנוּ בְּכַף־
יד מִדְיָן׃ וַיִּפֶן אֵלָיו יְהוָה וַיֹּאמֶר לֵךְ בְּכֹחֲךָ זֶה וְהוֹשַׁעְתָּ
טו אֶת־יִשְׂרָאֵל מִכַּף מִדְיָן הֲלֹא שְׁלַחְתִּיךָ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו בִּי
אֲדֹנָי בַּמָּה אוֹשִׁיעַ אֶת־יִשְׂרָאֵל הִנֵּה אַלְפִּי הַדַּל בִּמְנַשֶּׁה
טז וְאָנֹכִי הַצָּעִיר בְּבֵית אָבִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוָה כִּי אֶהְיֶה
יז עִמָּךְ וְהִכִּיתָ אֶת־מִדְיָן כְּאִישׁ אֶחָד׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אִם־נָא
מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ וְעָשִׂיתָ לִּי אוֹת שָׁאַתָּה מְדַבֵּר עִמִּי׃
יח אַל־נָא תָמֻשׁ מִזֶּה עַד־בֹּאִי אֵלֶיךָ וְהֹצֵאתִי אֶת־מִנְחָתִי
יט וְהִנַּחְתִּי לְפָנֶיךָ וַיֹּאמַר אָנֹכִי אֵשֵׁב עַד שׁוּבֶךָ׃ וְגִדְעוֹן בָּא
וַיַּעַשׂ גְּדִי־עִזִּים וְאֵיפַת־קֶמַח מַצּוֹת הַבָּשָׂר שָׂם בַּסַּל
וְהַמָּרַק שָׂם בַּפָּרוּר וַיּוֹצֵא אֵלָיו אֶל־תַּחַת הָאֵלָה וַיַּגַּשׁ׃
כ וַיֹּאמֶר אֵלָיו מַלְאַךְ הָאֱלֹהִים קַח אֶת־הַבָּשָׂר וְאֶת־הַמַּצּוֹת
כא וְהַנַּח אֶל־הַסֶּלַע הַלָּז וְאֶת־הַמָּרַק שְׁפוֹךְ וַיַּעַשׂ כֵּן׃ וַיִּשְׁלַח
מַלְאַךְ יְהוָה אֶת־קְצֵה הַמִּשְׁעֶנֶת אֲשֶׁר בְּיָדוֹ וַיִּגַּע בַּבָּשָׂר
וּבַמַּצּוֹת וַתַּעַל הָאֵשׁ מִן־הַצּוּר וַתֹּאכַל אֶת־הַבָּשָׂר וְאֶת־
כב הַמַּצּוֹת וּמַלְאַךְ יְהוָה הָלַךְ מֵעֵינָיו׃ וַיַּרְא גִּדְעוֹן כִּי־מַלְאַךְ
יְהוָה הוּא וַיֹּאמֶר גִּדְעוֹן אֲהָהּ אֲדֹנָי יֱהוִה כִּי־עַל־כֵּן
כג רָאִיתִי מַלְאַךְ יְהוָה פָּנִים אֶל־פָּנִים׃ וַיֹּאמֶר לוֹ יְהוָה
כד שָׁלוֹם לְךָ אַל־תִּירָא לֹא תָּמוּת׃ וַיִּבֶן שָׁם גִּדְעוֹן מִזְבֵּחַ
לַיהוָה וַיִּקְרָא־לוֹ יְהוָה ׀ שָׁלוֹם עַד הַיּוֹם הַזֶּה עוֹדֶנּוּ
כה בְּעָפְרַת אֲבִי הָעֶזְרִי׃ וַיְהִי בַּלַּיְלָה הַהוּא וַיֹּאמֶר
לוֹ יְהוָה קַח אֶת־פַּר־הַשּׁוֹר אֲשֶׁר לְאָבִיךָ וּפַר הַשֵּׁנִי

יז׳ השי בקמץ   יט״ פתח בס״פ

19 איז גִדְעוֹן אַריינגעגאַנגען, און האָט געמאַכט אַ ציגנבעקל, און אומגעזייערטע קוכנס פון אַן אֵיפָה מעל; דאָס פלייש האָט ער אַריינגעטאָן אין אַ קאָרב, און די זופּ האָט ער אַריינגעטאָן אין אַ טאָפּ, און אַרויסגעבראַכט צו אים אונטער דעם אייכנבוים, און דערלאַנגט.

20 האָט דער מלאך פון גאָט צו אים געזאָגט: נעם דאָס פלייש און די אומגעזייערטע קוכנס, און לייג אַוועק אויף יענעם פעלז, און די זופּ גיס אויס.

האָט ער אַזוי געטאָן. 21 און דער מלאך פון גאָט האָט אויסגעשטרעקט דעם שפּיץ פון דעם שטעקן וואָס אין זיין האַנט, און האָט אָנגערירט דאָס פלייש און די אומגעזייערטע קוכנס; און אַ פייער איז אויפגעגאַנגען פון דעם פעלז, און האָט פאַרצערט דאָס פלייש און די אומגעזייערטע קוכנס; און דער מלאך פון גאָט איז אַוועק פון זיינע אויגן. 22 האָט גִדְעוֹן געזען אַז דאָס איז געווען אַ מלאך פון גאָט, און גִדְעוֹן האָט געזאָגט: ווי, גאָט דו האַר! וואָרום איך האָב געזען אַ מלאך פון גאָט פּנים אֶל פּנים.

23 האָט גאָט צו אים געזאָגט: פריד צו דיר; זאָלסט ניט מורא האָבן, וועסט ניט שטאַרבן.

24 און גִדְעוֹן האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו גאָט, און האָט אים גערופן יהוה־שָלוםא; ביז אויף הייניטיקן טאָג איז ער נאָך אין עָפְרָה פון די אַביעזרער.

25 און עס איז געווען אין יענער נאַכט, האָט גאָט צו אים געזאָגט: נעם דיין פאָטערס יונגן אָקס, און דעם צווייטן אָקס

א יהוה איז פריד.

שֶׁבַע שָׁנִים וְהָרַסְתָּ אֶת־מִזְבַּח הַבַּעַל אֲשֶׁר לְאָבִיךָ וְאֶת־
הָאֲשֵׁרָה אֲשֶׁר־עָלָיו תִּכְרֹת׃ וּבָנִיתָ מִזְבֵּחַ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ כו
עַל רֹאשׁ הַמָּעוֹז הַזֶּה בַּמַּעֲרָכָה וְלָקַחְתָּ אֶת־הַפָּר הַשֵּׁנִי
וְהַעֲלִיתָ עוֹלָה בַּעֲצֵי הָאֲשֵׁרָה אֲשֶׁר תִּכְרֹת׃ וַיִּקַּח גִּדְעוֹן כז
עֲשָׂרָה אֲנָשִׁים מֵעֲבָדָיו וַיַּעַשׂ כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלָיו יְהוָה
וַיְהִי כַּאֲשֶׁר יָרֵא אֶת־בֵּית אָבִיו וְאֶת־אַנְשֵׁי הָעִיר מֵעֲשׂוֹת
יוֹמָם וַיַּעַשׂ לָיְלָה׃ וַיַּשְׁכִּימוּ אַנְשֵׁי הָעִיר בַּבֹּקֶר וְהִנֵּה כח
נֻתַּץ מִזְבַּח הַבַּעַל וְהָאֲשֵׁרָה אֲשֶׁר־עָלָיו כֹּרָתָה וְאֵת הַפָּר
הַשֵּׁנִי הֹעֲלָה עַל־הַמִּזְבֵּחַ הַבָּנוּי׃ וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ כט
מִי עָשָׂה הַדָּבָר הַזֶּה וַיִּדְרְשׁוּ וַיְבַקְשׁוּ וַיֹּאמְרוּ גִּדְעוֹן בֶּן
יוֹאָשׁ עָשָׂה הַדָּבָר הַזֶּה׃ וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי הָעִיר אֶל־יוֹאָשׁ ל
הוֹצֵא אֶת־בִּנְךָ וְיָמֹת כִּי נָתַץ אֶת־מִזְבַּח הַבַּעַל וְכִי כָרַת
הָאֲשֵׁרָה אֲשֶׁר־עָלָיו׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָשׁ לְכֹל אֲשֶׁר־עָמְדוּ עָלָיו לא
הַאַתֶּם ׀ תְּרִיבוּן לַבַּעַל אִם־אַתֶּם תּוֹשִׁיעוּן אוֹתוֹ אֲשֶׁר יָרִיב
לוֹ יוּמַת עַד־הַבֹּקֶר אִם־אֱלֹהִים הוּא יָרֶב לוֹ כִּי נָתַץ אֶת־
מִזְבְּחוֹ׃ וַיִּקְרָא־לוֹ בַיּוֹם־הַהוּא יְרֻבַּעַל לֵאמֹר יָרֶב בּוֹ לב
הַבַּעַל כִּי נָתַץ אֶת־מִזְבְּחוֹ׃ וְכָל־מִדְיָן וַעֲמָלֵק וּבְנֵי־ לג
קֶדֶם נֶאֶסְפוּ יַחְדָּו וַיַּעַבְרוּ וַיַּחֲנוּ בְּעֵמֶק יִזְרְעֶאל׃ וְרוּחַ לד
יְהוָה לָבְשָׁה אֶת־גִּדְעוֹן וַיִּתְקַע בַּשּׁוֹפָר וַיִּזָּעֵק אֲבִיעֶזֶר
אַחֲרָיו׃ וּמַלְאָכִים שָׁלַח בְּכָל־מְנַשֶּׁה וַיִּזָּעֵק גַּם־הוּא לה
אַחֲרָיו וּמַלְאָכִים שָׁלַח בְּאָשֵׁר וּבִזְבֻלוּן וּבְנַפְתָּלִי וַיַּעֲלוּ
לִקְרָאתָם׃ וַיֹּאמֶר גִּדְעוֹן אֶל־הָאֱלֹהִים אִם־יֶשְׁךָ מוֹשִׁיעַ לו
בְּיָדִי אֶת־יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ׃ הִנֵּה אָנֹכִי מַצִּיג אֶת־גִּזַּת לז
הַצֶּמֶר בַּגֹּרֶן אִם טַל יִהְיֶה עַל־הַגִּזָּה לְבַדָּהּ וְעַל־כָּל־הָאָרֶץ
חֹרֶב וְיָדַעְתִּי כִּי־תוֹשִׁיעַ בְּיָדִי אֶת־יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ׃
וַיְהִי־כֵן וַיַּשְׁכֵּם מִמָּחֳרָת וַיָּזַר אֶת־הַגִּזָּה וַיִּמֶץ טַל מִן־הַגִּזָּה לח
מְלוֹא הַסֵּפֶל מָיִם׃ וַיֹּאמֶר גִּדְעוֹן אֶל־הָאֱלֹהִים אַל־יִחַר לט

לו׳ לז׳ פתח בס״פ

פון זיבן יאָר, און זאָלסט צעשטערן דיין פאָטערס מזבח פון בַּעַל, און דעם געצנבוים וואָס לעבן אים זאָלסטו אָפּהאַקן. 26 און זאָלסט בויען אַ מזבח צו יהוה דיין גאָט אויפן שפּיץ פון דערדאָזיקער באַרגפעסטונג, אויף דעם צוגעריכטן אָרט, און זאָלסט נעמען דעם צווייטן אָקס, און אויפברענגען פאַר אַ בראַנדאָפּפער מיטן האָלץ פון דעם געצנבוים וואָס דו וועסט אָפּהאַקן.

27 האָט גִדְעוֹן גענומען צען מאַן פון זיינע קנעכט, און האָט געטאָן אַזוי ווי גאָט האָט צו אים גערעדט; און עס איז געווען, אַזוי ווי ער האָט מורא געהאַט פאַר זיין פאָטערס הויזגעזינט און פאַר די מענטשן פון שטאָט, דאָס צו טאָן ביי טאָג, האָט ער דאָס געטאָן ביי נאַכט.

28 און די מענטשן פון שטאָט האָבן זיך געפעדערט אין דער פרי, ערשט דער מזבח פון בַּעַל איז צעבראָכן, און דער געצנבוים וואָס לעבן אים איז אָפּגעהאַקט, און דער צווייטער אָקס איז אויפגעבראַכט געוואָרן אויף דעם אויפגעבויטן מזבח. 29 האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: ווער האָט געטאָן דידאָזיקע זאַך? און אַז זיי האָבן געפאָרשט און געזוכט, האָט מען געזאָגט: גִדְעוֹן דער זון פון יוֹאָשן האָט געטאָן דידאָזיקע זאַך. 30 האָבן די מענטשן פון שטאָט געזאָגט צו יוֹאָשן: ברענג אַרויס דיין זון, און ער זאָל שטאַרבן, ווייל ער האָט צעבראָכן דעם מזבח פון בַּעַל, און ווייל ער האָט אָפּגעהאַקט דעם געצנבוים וואָס לעבן אים.

31 האָט יוֹאָש געזאָגט צו אַלע וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים: ווילט איר זיך קריגן פאַר בַּעַל? אָדער ווילט איר אים העלפן? ווער עס וועט זיך קריגן פאַר אים, וועט געטייט ווערן ביז אין דער פרי. אויב ער איז אַ גאָט, זאָל ער אַליין זיך קריגן פאַר זיך, וואָס מע האָט צעבראָכן זיין מזבח. 32 און מע האָט אים גערופן אין יענעם טאָג ירובַּעַל[א], אַזוי צו זאָגן: זאָל בַּעַל זיך קריגן מיט אים, וואָס ער האָט צעבראָכן זיין מזבח.

33 און גאַנץ מִדְיָן און עֲמָלֵק און די קינדער פון מזרח האָבן זיך איינגעזאַמלט אין איינעם, און זיינען אַריבערגעקומען און האָבן געלאַגערט אין טאָל יִזְרְעֶאל. 34 האָט אַ גייסט פון גאָט אָנגעקליידט גִדְעוֹנען, און ער האָט געבלאָזן אין שופר, און אֲבִיעֶזֶר האָט זיך אויפגעקליבן הינטער אים. 35 און ער האָט געשיקט שלוחים דורך גאַנץ מנשה, און ער אויך האָט זיך אויפגעקליבן הינטער אים; און ער האָט געשיקט שלוחים דורך אָשר, און דורך זבולון, און דורך נפתלי, און זיי זיינען אַרויפגעקומען זיי אַנטקעגן.

36 און גִדְעוֹן האָט געזאָגט צו גאָט: אויב דו ווילסט העלפן דורך מיין האַנט ישׂראל, אַזוי ווי דו האָסט גערעדט, 37 אָט לייג איך אַוועק אַן אָפּשער וואָל אין שייער; אויב עס וועט זיין טוי אויפן אָפּשער אַליין, און אויף דער גאַנצער ערד וועט זיין טרוקן, וועל איך וויסן אַז דו וועסט העלפן ישׂראל דורך מיין האַנט, אַזוי ווי דו האָסט גערעדט.

38 איז אַזוי געווען; און ווי ער האָט זיך געפעדערט אויף מאָרגן, און האָט אויסגעדרייט דעם אָפּשער, האָט ער אויסגעקוועטשט טוי פון דעם אָפּשער, אַ פולן קרוג וואַסער. 39 האָט גִדְעוֹן געזאָגט צו גאָט: זאָל ניט גרימען

[א] זאָל בַּעַל זיך קריגן.

אַפְּךָ בִּי וַאֲדַבְּרָה אַךְ הַפָּעַם אֲנַסֶּה־נָּא רַק־הַפַּעַם בַּגִּזָּה
יְהִי־נָא חֹרֶב אֶל־הַגִּזָּה לְבַדָּהּ וְעַל־כָּל־הָאָרֶץ יִהְיֶה־טָּל׃
מ וַיַּעַשׂ אֱלֹהִים כֵּן בַּלַּיְלָה הַהוּא וַיְהִי־חֹרֶב אֶל־הַגִּזָּה לְבַדָּהּ
וְעַל־כָּל־הָאָרֶץ הָיָה טָל׃

ז

א וַיַּשְׁכֵּם יְרֻבַּעַל הוּא גִדְעוֹן וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיַּחֲנוּ
עַל־עֵין חֲרֹד וּמַחֲנֵה מִדְיָן הָיָה־לּוֹ מִצָּפוֹן מִגִּבְעַת הַמּוֹרֶה
ב בָּעֵמֶק׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־גִּדְעוֹן רַב הָעָם אֲשֶׁר אִתָּךְ
מִתִּתִּי אֶת־מִדְיָן בְּיָדָם פֶּן־יִתְפָּאֵר עָלַי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר יָדִי
ג הוֹשִׁיעָה לִּי׃ וְעַתָּה קְרָא נָא בְּאָזְנֵי הָעָם לֵאמֹר מִי־יָרֵא
וְחָרֵד יָשֹׁב וְיִצְפֹּר מֵהַר הַגִּלְעָד וַיָּשָׁב מִן־הָעָם עֶשְׂרִים
ד וּשְׁנַיִם אֶלֶף וַעֲשֶׂרֶת אֲלָפִים נִשְׁאָרוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה
אֶל־גִּדְעוֹן עוֹד הָעָם רָב הוֹרֵד אוֹתָם אֶל־הַמַּיִם וְאֶצְרְפֶנּוּ
לְךָ שָׁם וְהָיָה אֲשֶׁר אֹמַר אֵלֶיךָ זֶה ׀ יֵלֵךְ אִתָּךְ הוּא יֵלֵךְ
אִתָּךְ וְכֹל אֲשֶׁר־אֹמַר אֵלֶיךָ זֶה לֹא־יֵלֵךְ עִמָּךְ הוּא לֹא
ה יֵלֵךְ׃ וַיּוֹרֶד אֶת־הָעָם אֶל־הַמָּיִם וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־
גִּדְעוֹן כֹּל אֲשֶׁר־יָלֹק בִּלְשׁוֹנוֹ מִן־הַמַּיִם כַּאֲשֶׁר יָלֹק הַכֶּלֶב
תַּצִּיג אוֹתוֹ לְבָד וְכֹל אֲשֶׁר־יִכְרַע עַל־בִּרְכָּיו לִשְׁתּוֹת׃
ו וַיְהִי מִסְפַּר הַמְלַקְקִים בְּיָדָם אֶל־פִּיהֶם שְׁלֹשׁ מֵאוֹת
אִישׁ וְכֹל יֶתֶר הָעָם כָּרְעוּ עַל־בִּרְכֵיהֶם לִשְׁתּוֹת מָיִם׃
ז וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־גִּדְעוֹן בִּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת הָאִישׁ הַמְלַקְקִים
אוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם וְנָתַתִּי אֶת־מִדְיָן בְּיָדֶךָ וְכָל־הָעָם יֵלְכוּ
ח אִישׁ לִמְקֹמוֹ׃ וַיִּקְחוּ אֶת־צֵדָה הָעָם בְּיָדָם וְאֵת שׁוֹפְרֹתֵיהֶם
וְאֵת כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל שִׁלַּח אִישׁ לְאֹהָלָיו וּבִשְׁלֹשׁ־מֵאוֹת
הָאִישׁ הֶחֱזִיק וּמַחֲנֵה מִדְיָן הָיָה לוֹ מִתַּחַת בָּעֵמֶק׃
ט וַיְהִי בַּלַּיְלָה הַהוּא וַיֹּאמֶר אֵלָיו יְהוָה קוּם רֵד בַּמַּחֲנֶה
י כִּי נְתַתִּיו בְּיָדֶךָ׃ וְאִם־יָרֵא אַתָּה לָרֶדֶת רֵד אַתָּה וּפֻרָה

ו, לט׳ מ׳ כ״א על ז, ה׳ קמץ בז״ק ו׳ הכ׳ רפה

דיין צאָרן אויף מיר, און איך וועל רעדן נאָר דאָס מאָל: לאָמיך, איך בעט דיך, נאָר דאָס מאָל פּרוּוון מיט דעם אָפּשער; זאָל, איך בעט דיך, זיין טרוקן אויפן אָפּשער אַליין, און אויף דער גאַנצער ערד זאָל זיין טוי.

[40] האָט גאָט געטאָן אַזוי אין יענער נאַכט; און עס איז געווען טרוקן אויפן אָפּשער אַליין, און אויף דער גאַנצער ערד איז געווען טוי.

ז [1] האָט זיך געפעדערט ירובעל–דאָס איז גִדעון–ער און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים, און זיי האָבן געלאַגערט ביי עֵין־חֲרוֹד; און דער לאַגער פון מִדיָן איז אים געווען פון צפון, פון גִבעַת־מוֹרֶה אין טאָל. [2] האָט גאָט געזאָגט צו גִדעוֹנען: דאָס פאָלק וואָס מיט דיר איז צו פיל, אַז איך זאָל געבן מִדיָן אין זייער האַנט; ישׂראל וועט זיך נאָך באַרימען אַקעגן מיר, אַזוי צו זאָגן: מיין האַנט האָט מיך געהאָלפן. [3] דרום רוף אַקאָרשט אויס אַצונד אין די אויערן פון פאָלק, אַזוי צו זאָגן: ווער עס האָט מורא און ציטערט, זאָל זיך אומקערן און אַוועקגיין אין דער פרי פון באַרג גִלעָד.

האָבן זיך אומגעקערט פון פאָלק צוויי און צוואַנציק טויזנט, און צען טויזנט זיינען געבליבן.

[4] האָט גאָט געזאָגט צו גִדעוֹנען: דאָס פאָלק איז נאָך אַלץ צו פיל. מאַך זיי נידערן צום וואַסער, און איך וועל זיי דאָרטן אויסקלייבן פאַר דיר. און עס וועט זיין, דער וואָס איך וועל דיר זאָגן: דערדאָזיקער זאָל גיין מיט דיר, ער זאָל גיין מיט דיר; און איטלעכער וואָס איך וועל דיר זאָגן: דערדאָזיקער זאָל ניט גיין מיט דיר, ער זאָל ניט גיין.

[5] האָט ער געמאַכט נידערן דאָס פאָלק צום וואַסער; און גאָט האָט געזאָגט צו גִדעוֹנען: איטלעכער וואָס וועט לעקן פונעם וואַסער מיט זיין צונג, אַזוי ווי עס לעקט אַ הונט, אים זאָלסטו שטעלן באַזונדער, דעסגלייכן איטלעכן וואָס וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף זיינע קני צו טרינקען.

[6] איז געווען די צאָל פון די וואָס האָבן געלעקט פון זייער האַנט אין זייער מויל דריי הונדערט מאַן, און דאָס גאַנצע איבעריקע פאָלק האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זייערע קני צו טרינקען וואַסער. [7] און גאָט האָט געזאָגט צו גִדעוֹנען: מיט די דריי הונדערט מאַן וואָס האָבן געלעקט, וועל איך אייך העלפן, און וועל געבן מִדיָן אין דיין האַנט; און דאָס גאַנצע פאָלק זאָל גיין איטלעכער אין זיין היים.

[8] האָבן זיי איבערגענומען די צערונג פון פאָלק אין זייער האַנט, און זייערע שופרות; און אַלע מענער פון ישׂראל האָט ער אַוועקגעשיקט איטלעכן צו זיינע געצעלטן, נאָר די דריי הונדערט מאַן האָט ער אָנגעהאַלטן. און דער לאַגער פון מִדיָן איז געווען אונטער אים אין טאָל.

[9] און עס איז געווען אין יענער נאַכט, האָט גאָט צו אים געזאָגט: שטיי אויף, נידער אַראָפּ אין לאַגער, וואָרום איך האָב אים געגעבן אין דיין האַנט. [10] און אויב דו האָסט מורא אַראָפּצונידערן, נידער אַראָפּ דו מיט דיין יונג פּוּרָה צום

נַעֲרֶךָ אֶל־הַמַּחֲנֶה׃ וְשָׁמַעְתָּ מַה־יְדַבֵּרוּ וְאַחַר תֶּחֱזַקְנָה יא
יָדֶיךָ וְיָרַדְתָּ בַּמַּחֲנֶה וַיֵּרֶד הוּא וּפֻרָה נַעֲרוֹ אֶל־קְצֵה
הַחֲמֻשִׁים אֲשֶׁר בַּמַּחֲנֶה׃ וּמִדְיָן וַעֲמָלֵק וְכָל־בְּנֵי־קֶדֶם יב
נֹפְלִים בָּעֵמֶק כָּאַרְבֶּה לָרֹב וְלִגְמַלֵּיהֶם אֵין מִסְפָּר כַּחוֹל
שֶׁעַל־שְׂפַת הַיָּם לָרֹב׃ וַיָּבֹא גִדְעוֹן וְהִנֵּה־אִישׁ מְסַפֵּר יג
לְרֵעֵהוּ חֲלוֹם וַיֹּאמֶר הִנֵּה חֲלוֹם חָלַמְתִּי וְהִנֵּה צְלוֹל לֶחֶם
שְׂעֹרִים מִתְהַפֵּךְ בְּמַחֲנֵה מִדְיָן וַיָּבֹא עַד־הָאֹהֶל וַיַּכֵּהוּ וַיִּפֹּל
וַיַּהַפְכֵהוּ לְמַעְלָה וְנָפַל הָאֹהֶל׃ וַיַּעַן רֵעֵהוּ וַיֹּאמֶר אֵין יד
זֹאת בִּלְתִּי אִם־חֶרֶב גִּדְעוֹן בֶּן־יוֹאָשׁ אִישׁ יִשְׂרָאֵל נָתַן
הָאֱלֹהִים בְּיָדוֹ אֶת־מִדְיָן וְאֶת־כָּל־הַמַּחֲנֶה׃ וַיְהִי כִשְׁמֹעַ טו
גִדְעוֹן אֶת־מִסְפַּר הַחֲלוֹם וְאֶת־שִׁבְרוֹ וַיִּשְׁתָּחוּ וַיָּשָׁב אֶל־
מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר קוּמוּ כִּי־נָתַן יְהוָה בְּיֶדְכֶם אֶת־מַחֲנֵה
מִדְיָן׃ וַיַּחַץ אֶת־שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת הָאִישׁ שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים וַיִּתֵּן טז
שׁוֹפָרוֹת בְּיַד־כֻּלָּם וְכַדִּים רֵקִים וְלַפִּדִים בְּתוֹךְ הַכַּדִּים׃
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם מִמֶּנִּי תִרְאוּ וְכֵן תַּעֲשׂוּ וְהִנֵּה אָנֹכִי בָא יז
בִּקְצֵה הַמַּחֲנֶה וְהָיָה כַאֲשֶׁר אֶעֱשֶׂה כֵּן תַּעֲשׂוּן׃ וְתָקַעְתִּי יח
בַּשּׁוֹפָר אָנֹכִי וְכָל־אֲשֶׁר אִתִּי וּתְקַעְתֶּם בַּשּׁוֹפָרוֹת גַּם־
אַתֶּם סְבִיבוֹת כָּל־הַמַּחֲנֶה וַאֲמַרְתֶּם לַיהוָה וּלְגִדְעוֹן׃
וַיָּבֹא גִדְעוֹן וּמֵאָה־אִישׁ אֲשֶׁר־אִתּוֹ בִּקְצֵה הַמַּחֲנֶה יט
רֹאשׁ הָאַשְׁמֹרֶת הַתִּיכוֹנָה אַךְ הָקֵם הֵקִימוּ אֶת־הַשֹּׁמְרִים
וַיִּתְקְעוּ בַּשּׁוֹפָרוֹת וְנָפוֹץ הַכַּדִּים אֲשֶׁר בְּיָדָם׃ וַיִּתְקְעוּ כ
שְׁלֹשֶׁת הָרָאשִׁים בַּשּׁוֹפָרוֹת וַיִּשְׁבְּרוּ הַכַּדִּים וַיַּחֲזִיקוּ בְיַד־
שְׂמֹאולָם בַּלַּפִּדִים וּבְיַד־יְמִינָם הַשּׁוֹפָרוֹת לִתְקוֹעַ וַיִּקְרְאוּ
חֶרֶב לַיהוָה וּלְגִדְעוֹן׃ וַיַּעַמְדוּ אִישׁ תַּחְתָּיו סָבִיב לַמַּחֲנֶה כא
וַיָּרָץ כָּל־הַמַּחֲנֶה וַיָּרִיעוּ וַיָּנִיסוּ׃ וַיִּתְקְעוּ שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת כב
הַשּׁוֹפָרוֹת וַיָּשֶׂם יְהוָה אֵת חֶרֶב אִישׁ בְּרֵעֵהוּ וּבְכָל־
הַמַּחֲנֶה וַיָּנָס הַמַּחֲנֶה עַד־בֵּית הַשִּׁטָּה צְרֵרָתָה עַד שְׂפַת־

יג׳ צליל ק   כ׳ יהוד ח   כא׳ וינוסו ק

לאַגער. [11] און וועסט הערן וואָס זיי רעדן; וועלן דער־נאָך שטאַרק ווערן דיינע הענט, און וועסט אַראָפּנידערן אין לאַגער.

האָט ער אַראָפּגענידערט, ער און זיין יונג פּורָה, צום עק פון די באַוואָפנטע וואָס אין לאַגער. [12] און מִדיָן און עֲמָלֵק און אַלע קינדער פון מזרח זיינען געלעגן אין טאָל, אַזוי ווי דער היישעריק אין פילקייט, און צו זייערע קעמלען איז ניט געווען קיין צאָל, אַזוי ווי דער זאַמד וואָס אויפן ברעג פון ים אין פילקייט. [13] און ווי גִדעון איז אָנ־געקומען, ערשט אַ מאַן דערציילט זיין חבר אַ חלום, און זאָגט: זע, מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום: ערשט אַ קוכן פון גערשטענעם ברויט קייקלט זיך אין לאַגער פון מִדיָן, און ער איז געקומען ביזן געצעלט, און האָט עס אַ קלאַפּ געטאָן, און עס איז אומגעפאַלן, און ער האָט עס אומגע־קערט קאַפּויר, ביז דאָס געצעלט איז געבליבן ליגן. [14] האָט זיך אָפּגערופן זיין חבר און האָט געזאָגט: דאָס איז ניט אַנדערש ווי די שווערד פון גִדעון דעם זון פון יואָשן, אַ מאַן פון ישראל. גאָט האָט געגעבן אין זיין האַנט מִדיָן מיטן גאַנצן חיל.

[15] און עס איז געווען, ווי גִדעון האָט געהערט די דערציילונג פון דעם חלום און זיין באַשייד, אַזוי האָט ער זיך געבוקט; און ער האָט זיך אומגעקערט אין לאַגער פון ישראל און האָט געזאָגט: שטייט אויף, וואָרום גאָט האָט געגעבן אין אייער האַנט דעם חיל פון מִדיָן. [16] און ער האָט צעטיילט די דריי הונדערט מאַן אין דריי מחנות, און האָט זיי אַלעמען געגעבן שופרות אין דער האַנט, און ליידיקע קריג, און בראַנדהעלצער אין די קריג. [17] און ער האָט צו זיי געזאָגט: איר זאָלט קוקן אויף מיר, און טאָן דעסגלייכן; און אָט קום איך אין עק לאַגער, איז, ווי איך וועל טאָן, אַזוי זאָלט איר טאָן. [18] און אַז איך וועל בלאָזן אין שופר, איך און אַלע וואָס מיט מיר, זאָלט איר אויך בלאָזן אין די שופרות רונד אַרום דעם גאַנצן לאַגער, און איר זאָלט זאָגן: פאַר גאָט און פאַר גִדעונען!

[19] און גִדעון און די הונדערט מאַן וואָס מיט אים זיינען געקומען אין עק לאַגערביים אָנהייב פון דער מיטלסטער נאַכטוואַך; מע האָט נאָרוואָס געהאַט אויפגעשטעלט די וועכטער; און זיי האָבן געבלאָזן אין די שופרות, און האָבן צע־האַקט די קריג וואָס אין זייער האַנט. [20] און די דריי מחנות האָבן געבלאָזן אין די שופרות, און האָבן צעבראָכן די קריג; און זיי האָבן געהאַלטן אין זייער לינקער האַנט די בראַנדהעלצער, און אין זייער רעכטער האַנט די שופרות צום בלאָזן; און זיי האָבן אויסגערופן: אַ שווערד פאַר גאָט און פאַר גִדעונען! [21] און זיי זיינען געשטאַנען איטלעכער אויף זיין אָרט רונד אַרום לאַגער; און דער גאַנצער לאַגער האָט גענומען לויפן; און זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַ געשריי און זיינען אַנטרונען. [22] און זיי האָבן געבלאָזן די דריי הונדערט שופרות, און גאָט האָט געמאַכט די שווערד פון איינעם קעגן אַנדערן, אַזוי אין גאַנצן חיל, און דער חיל איז אַנטרונען ביז בֵּית־שִׁטָה, צו צרֵרָה צו, ביז דעם ברעג

פון אָבֵל־מחוֹלָה בײַ טַבָּת. [23] און די מענער פון ישראל
האָבן זיך אײַנגעזאַמלט פון נפתלי, און פון אָשר, און פון
גאַנץ מנשה, און זײ האָבן נאָכגעיאָגט מִדיָן. [24] און גִדעוֹן
האָט געשיקט שלוחים אין גאַנצן געבערג פון אפרים, אַזוי
צו זאָגן: נידערט אַראָפּ אַקעגן מִדיָן, און פאַרכאַפּט זײ
דאָס װאַסער ביז בֵּית־בָּרָה, און דעם יַרדן. האָבן זיך
אײַנגעזאַמלט אַלע מענער פון אפרים, און זײ האָבן באַ־
צװוּנגען דאָס װאַסער ביז בֵּית־בָּרָה, און דעם יַרדן. [25] און
זײ האָבן געכאַפּט די צװײ האַרן פון מִדיָן, עוֹרֵבן און זאֵבן,
און האָבן געהרגעט עוֹרֵבן בײַ צוּר־עוֹרֵב[א], און זאֵבן האָבן
זײ געהרגעט אין יֶקֶב־זאֵב[ב]; און זײ האָבן נאָכגעיאָגט מִדיָן;
און די קעפּ פון עוֹרֵבן און זאֵבן האָבן זײ געבראַכט צו
גִדְעוֹנען פון יענער זײַט יַרדן.

ח [1] האָבן צו אים געזאָגט די מענער פון אפרים: װאָס
פאַר אַ זאַך האָסטו אונדז דאָ געטאָן, אונדז ניט צו
רופן װען דו ביסט געגאַנגען מלחמה האַלטן אַקעגן מִדיָן?
און זײ האָבן זיך שטאַרק געקריגט מיט אים. [2] האָט ער
צו זײ געזאָגט: װאָס האָב איך אַצונד אויפגעטאָן אין פאַר־
גלײַך מיט אײַך? איז ניט דער נאָכקלײַב פון אפרים
בעסער װי די לעז פון אַביעֶזֶר? [3] אין אײַער האַנט האָט
גאָט געגעבן די האַרן פון מִדיָן, עוֹרֵבן און זאֵבן, און װאָס
האָב איך געקענט אויפטאָן אין פאַרגלײַך מיט אײַך? האָט
דענסמאָל אָפּגעלאָזט זײער כּעס פון אים, װען ער האָט גערעדט דידאָזיקע רײד.

[4] און גִדְעוֹן איז געקומען צום יַרדן, און איז אַריבערגעגאַנגען,] ער און די דרײ הונדערט מאַן װאָס מיט אים,
פאַרשמאַכטע און פאַריאָגטע. [5] און ער האָט געזאָגט צו די מענטשן פון סוּכּוֹת: גיט, איך בעט אײַך, לאַבנס ברויט פאַר
דעם פאָלק װאָס הינטער מיר, װאָרום זײ זײַנען פאַרשמאַכט, און איך יאָג נאָך זֶבַח און צַלמוּנָע די מלכים פון מִדיָן.

[6] האָבן די האַרן פון סוכּות געזאָגט: איז די האַנט פון זֶבחן און צַלמוּנָען אַצונד אין דײַן פויסט, אַז מיר זאָלן געבן
דײַן חיל ברויט?

[7] האָט גִדְעוֹן געזאָגט: דערפאַר אַז גאָט װעט געבן זֶבחן און צַלמוּנָען אין מײַן האַנט, װעל איך דרעשן אײַער לײַב
מיט דערנער פון מדבר און מיט שטעכיקע ריטער.

[8] און ער איז אַרויפגעגאַנגען פון דאָרטן קײן פּנוּאֵל, און האָט צו זײ גערעדט דעסגלײַכן; האָבן אים די מענטשן
פון פּנוּאֵל געענטפערט אַזױ װי די מענטשן פון סוּכּוֹת האָבן געענטפערט.

[9] האָט ער געזאָגט אויך צו די מענטשן פון פּנוּאֵל, אַזוי צו זאָגן: אַז איך װעל זיך אומקערן בשלום, װעל איך צע־
ברעכן דעמדאָזיקן טורעם.

[10] און זֶבַח און צַלמוּנָע זײַנען געװען אין קַרקוֹר, און זײער חיל מיט זײ, אַרום פופצן טויזנט, אַלע װאָס זײַנען געבליבן

כג אָבֵל מְחוֹלָה עַל־טַבָּת׃ וַיִּצָּעֵק אִישׁ־יִשְׂרָאֵל מִנַּפְתָּלִי
כד וּמִן־אָשֵׁר וּמִן־כָּל־מְנַשֶּׁה וַיִּרְדְּפוּ אַחֲרֵי מִדְיָן׃ וּמַלְאָכִים
שָׁלַח גִּדְעוֹן בְּכָל־הַר אֶפְרַיִם לֵאמֹר רְדוּ לִקְרַאת מִדְיָן
וְלִכְדוּ לָהֶם אֶת־הַמַּיִם עַד בֵּית בָּרָה וְאֶת־הַיַּרְדֵּן וַיִּצָּעֵק
כָּל־אִישׁ אֶפְרַיִם וַיִּלְכְּדוּ אֶת־הַמַּיִם עַד בֵּית בָּרָה וְאֶת־
כה הַיַּרְדֵּן׃ וַיִּלְכְּדוּ שְׁנֵי־שָׂרֵי מִדְיָן אֶת־עֹרֵב וְאֶת־זְאֵב
וַיַּהַרְגוּ אֶת־עוֹרֵב בְּצוּר־עוֹרֵב וְאֶת־זְאֵב הָרְגוּ בְיֶקֶב־זְאֵב
וַיִּרְדְּפוּ אֶל־מִדְיָן וְרֹאשׁ־עֹרֵב וּזְאֵב הֵבִיאוּ אֶל־גִּדְעוֹן
מֵעֵבֶר לַיַּרְדֵּן׃

ח

א וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו אִישׁ אֶפְרַיִם מָה־הַדָּבָר הַזֶּה עָשִׂיתָ לָּנוּ
לְבִלְתִּי קְרֹאות לָנוּ כִּי הָלַכְתָּ לְהִלָּחֵם בְּמִדְיָן וַיְרִיבוּן
ב אִתּוֹ בְּחָזְקָה׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם מֶה־עָשִׂיתִי עַתָּה כָּכֶם הֲלֹא
ג טוֹב עֹלְלוֹת אֶפְרַיִם מִבְצִיר אֲבִיעֶזֶר׃ בְּיֶדְכֶם נָתַן אֱלֹהִים
אֶת־שָׂרֵי מִדְיָן אֶת־עֹרֵב וְאֶת־זְאֵב וּמַה־יָּכֹלְתִּי עֲשׂוֹת כָּכֶם
ד אָז רָפְתָה רוּחָם מֵעָלָיו בְּדַבְּרוֹ הַדָּבָר הַזֶּה׃ וַיָּבֹא גִדְעוֹן
הַיַּרְדֵּנָה עֹבֵר הוּא וּשְׁלֹשׁ־מֵאוֹת הָאִישׁ אֲשֶׁר אִתּוֹ עֲיֵפִים
ה וְרֹדְפִים׃ וַיֹּאמֶר לְאַנְשֵׁי סֻכּוֹת תְּנוּ־נָא כִּכְּרוֹת לֶחֶם לָעָם
אֲשֶׁר בְּרַגְלָי כִּי־עֲיֵפִים הֵם וְאָנֹכִי רֹדֵף אַחֲרֵי זֶבַח
ו וְצַלְמֻנָּע מַלְכֵי מִדְיָן׃ וַיֹּאמֶר שָׂרֵי סֻכּוֹת הֲכַף זֶבַח
ז וְצַלְמֻנָּע עַתָּה בְּיָדֶךָ כִּי־נִתֵּן לִצְבָאֲךָ לָחֶם׃ וַיֹּאמֶר גִּדְעוֹן
לָכֵן בְּתֵת יְהוָה אֶת־זֶבַח וְאֶת־צַלְמֻנָּע בְּיָדִי וְדַשְׁתִּי אֶת־
ח בְּשַׂרְכֶם אֶת־קוֹצֵי הַמִּדְבָּר וְאֶת־הַבַּרְקֳנִים׃ וַיַּעַל מִשָּׁם
פְּנוּאֵל וַיְדַבֵּר אֲלֵיהֶם כָּזֹאת וַיַּעֲנוּ אוֹתוֹ אַנְשֵׁי פְנוּאֵל
ט כַּאֲשֶׁר עָנוּ אַנְשֵׁי סֻכּוֹת׃ וַיֹּאמֶר גַּם־לְאַנְשֵׁי פְנוּאֵל לֵאמֹר
י בְּשׁוּבִי בְשָׁלוֹם אֶתֹּץ אֶת־הַמִּגְדָּל הַזֶּה׃ וְזֶבַח וְצַלְמֻנָּע
בַּקַּרְקֹר וּמַחֲנֵיהֶם עִמָּם כַּחֲמֵשֶׁת עָשָׂר אֶלֶף כֹּל הַנּוֹתָרִים

ח, א׳ יתיר י׳ ב׳ הכ׳ רפה ו׳ סבירין ואמרו

[א] עוֹרֵבס פעלז. [ב] זאֵבס קעלטער.

מִכֹּל מַחֲנֵה בְנֵי־קֶדֶם וְהַנֹּפְלִים מֵאָה וְעֶשְׂרִים אֶלֶף אִישׁ
שֹׁלֵף חָרֶב׃ וַיַּעַל גִּדְעוֹן דֶּרֶךְ הַשְּׁכוּנֵי בָאֳהָלִים מִקֶּדֶם יא
לְנֹבַח וְיָגְבֳּהָה וַיַּךְ אֶת־הַמַּחֲנֶה וְהַמַּחֲנֶה הָיָה בֶטַח׃
וַיָּנוּסוּ זֶבַח וְצַלְמֻנָּע וַיִּרְדֹּף אַחֲרֵיהֶם וַיִּלְכֹּד אֶת־שְׁנֵי ׀ מַלְכֵי יב
מִדְיָן אֶת־זֶבַח וְאֶת־צַלְמֻנָּע וְכָל־הַמַּחֲנֶה הֶחֱרִיד׃ וַיָּשָׁב יג
גִּדְעוֹן בֶּן־יוֹאָשׁ מִן־הַמִּלְחָמָה מִלְמַעֲלֵה הֶחָרֶס׃ וַיִּלְכָּד־ יד
נַעַר מֵאַנְשֵׁי סֻכּוֹת וַיִּשְׁאָלֵהוּ וַיִּכְתֹּב אֵלָיו אֶת־שָׂרֵי סֻכּוֹת
וְאֶת־זְקֵנֶיהָ שִׁבְעִים וְשִׁבְעָה אִישׁ׃ וַיָּבֹא אֶל־אַנְשֵׁי סֻכּוֹת טו
וַיֹּאמֶר הִנֵּה זֶבַח וְצַלְמֻנָּע אֲשֶׁר חֵרַפְתֶּם אוֹתִי לֵאמֹר הֲכַף
זֶבַח וְצַלְמֻנָּע עַתָּה בְּיָדֶךָ כִּי נִתֵּן לַאֲנָשֶׁיךָ הַיְּעֵפִים לָחֶם׃
וַיִּקַּח אֶת־זִקְנֵי הָעִיר וְאֶת־קוֹצֵי הַמִּדְבָּר וְאֶת־הַבַּרְקֳנִים טז
וַיֹּדַע בָּהֶם אֵת אַנְשֵׁי סֻכּוֹת׃ וְאֶת־מִגְדַּל פְּנוּאֵל נָתָץ יז
וַיַּהֲרֹג אֶת־אַנְשֵׁי הָעִיר׃ וַיֹּאמֶר אֶל־זֶבַח וְאֶל־צַלְמֻנָּע יח
אֵיפֹה הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר הֲרַגְתֶּם בְּתָבוֹר וַיֹּאמְרוּ כָּמוֹךָ
כְמוֹהֶם אֶחָד כְּתֹאַר בְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמַר אַחַי בְּנֵי־אִמִּי יט
הֵם חַי־יְהוָה לוּ הַחֲיִתֶם אוֹתָם לֹא הָרַגְתִּי אֶתְכֶם׃ וַיֹּאמֶר כ
לְיֶתֶר בְּכוֹרוֹ קוּם הֲרֹג אוֹתָם וְלֹא־שָׁלַף הַנַּעַר חַרְבּוֹ כִּי
יָרֵא כִּי עוֹדֶנּוּ נָעַר׃ וַיֹּאמֶר זֶבַח וְצַלְמֻנָּע קוּם אַתָּה וּפְגַע־ כא
בָּנוּ כִּי כָאִישׁ גְּבוּרָתוֹ וַיָּקָם גִּדְעוֹן וַיַּהֲרֹג אֶת־זֶבַח וְאֶת־
צַלְמֻנָּע וַיִּקַּח אֶת־הַשַּׂהֲרֹנִים אֲשֶׁר בְּצַוְּארֵי גְמַלֵּיהֶם׃
וַיֹּאמְרוּ אִישׁ־יִשְׂרָאֵל אֶל־גִּדְעוֹן מְשָׁל־בָּנוּ גַּם־אַתָּה גַּם־ כב
בִּנְךָ גַּם בֶּן־בְּנֶךָ כִּי הוֹשַׁעְתָּנוּ מִיַּד מִדְיָן׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם כג
גִּדְעוֹן לֹא־אֶמְשֹׁל אֲנִי בָּכֶם וְלֹא־יִמְשֹׁל בְּנִי בָּכֶם יְהוָה יִמְשֹׁל
בָּכֶם׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם גִּדְעוֹן אֶשְׁאֲלָה מִכֶּם שְׁאֵלָה וּתְנוּ־לִי אִישׁ כד
נֶזֶם שְׁלָלוֹ כִּי־נִזְמֵי זָהָב לָהֶם כִּי יִשְׁמְעֵאלִים הֵם׃ וַיֹּאמְרוּ כה
נָתוֹן נִתֵּן וַיִּפְרְשׂוּ אֶת־הַשִּׂמְלָה וַיַּשְׁלִיכוּ שָׁמָּה אִישׁ נֶזֶם
שְׁלָלוֹ׃ וַיְהִי מִשְׁקַל נִזְמֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר שָׁאָל אֶלֶף וּשְׁבַע־ כו

---

י׳ כצ״ל   כא׳ סבירין ויאמרו   כו׳ קמץ בז״ק

פון דעם גאַנצן חיל פון די קינדער פון מזרח; און די געפאַלענע זיינען געווען הונדערט און צוואַנציק טויזנט מאַן וואָס האָבן געצויגן אַ שווערד. [11] און גִדְעוֹן איז אַרויפגעגאַנגען דורך די וווינער אין געצעלטן, אין מזרח פון נוֹבַח און יָגְבְּהָה, און האָט געשלאָגן דעם חיל, בעת דער חיל האָט זיך געשפּירט זיכער. [12] אָבער זֶבַח און צַלמוּנָע זיינען אַנטלאָפן, און ער האָט זיי נאָכגעיאָגט; און ער האָט געכאַפּט די צוויי מלכים פון מִדיָן, זֶבחן און צַלמוּנָען, און דעם גאַנצן חיל האָט ער צעשראָקן.

[13] און גִדְעוֹן דער זון פון יוֹאָשן האָט זיך אומגעקערט פון דער מלחמה, פון דעם אַרויפגאַנג פון חֶרֶס. [14] און ער האָט אָנגעכאַפּט אַ יונגן מאַן פון די מענטשן פון סוכּוֹת, און האָט אים אויסגעפרעגט; און ער האָט אים אויפגעשריבן די האַרן פון סוכּוֹת, און אירע עלטסטע, זיבן און זיבעציק מאַן. [15] און ער איז געקומען צו די מענטשן פון סוכּוֹת, און האָט געזאָגט: אָט זיינען זֶבַח און צַלמוּנָע, וואָס איר האָט געשפּעט פון מיר, אַזוי צו זאָגן: איז די האַנט פון זֶבחן און צַלמוּנָען אַצונד אין דיין פויסט, אַז מיר זאָלן געבן דיינע פאַרשמאַכטע מענטשן ברויט?

[16] און ער האָט גענומען די עלטסטע פון שטאָט, און דערנער פון מדבר און שטעכיקע ריטער, און האָט אָנגעלערנט מיט זיי די מענטשן פון סוכּוֹת. [17] און דעם טורעם פון פּנוּאֵל האָט ער צעבראָכן, און האָט געהרגעט די מענטשן פון שטאָט.

[18] און ער האָט געזאָגט צו זֶבחן און צו צַלמוּנָען: ווי אַזוי זיינען געווען די מענטשן וואָס איר האָט געהרגעט אין תָּבוֹר? האָבן זיי געזאָגט: אַזוי ווי דו, אַזוי זיי; איין [אָנבליק]; אַזוי ווי די געשטאַלט פון בְּנֵי־מלָכים. [19] האָט ער געזאָגט: מיינע ברידער, די זין פון מיין מוטער, זיינען דאָס געווען. אַזוי ווי גאָט לעבט, ווען איר וואָלט זיי געלאָזט לעבן, וואָלט איך אײַך ניט געהרגעט! [20] און ער האָט געזאָגט צו יֶתֶר זיין בְּכוֹר: שטיי אויף, הרגע זיי. אָבער דער יונג האָט ניט אַרויסגעצויגן זיין שווערד, וואָרום ער האָט מורא געהאַט, ווייל ער איז נאָך געווען יונג. [21] האָט געזאָגט זֶבַח און צַלמוּנָע: שטיי דו אויף און דערשלאָג אונדז, וואָרום ווי דער מאַן, אַזוי זיין גבורה. איז גִדְעוֹן אויפגעשטאַנען, און האָט געהרגעט זֶבחן און צַלמוּנָען. און ער האָט אַראָפּגענומען די לבנהלעך וואָס אויף די העלדזער פון זייערע קעמלען.

[22] און די מענער פון ישׂראל האָבן געזאָגט צו גִדְעוֹנען: געוועלטיק איבער אונדז, אי דו אי דיין זון אי דיין זונס זון, וואָרום דו האָסט אונדז געהאָלפן פון דער האַנט פון מִדיָן. [23] האָט גִדְעוֹן צו זיי געזאָגט: ניט איך וועל געוועלטיקן איבער אײַך, און ניט מיין זון וועט געוועלטיקן איבער אײַך; גאָט וועט געוועלטיקן איבער אײַך. [24] און גִדְעוֹן האָט צו זיי געזאָגט: איך וועל בעטן פון אײַך אַ בקשה: גיט מיר איטלעכער אַ נאָזרינג פון זיין רויב. וואָרום זיי האָבן געהאַט גילדערנע נאָזרינגען, ווייל זיי זיינען געווען יִשמעאֵלים. [25] האָבן זיי געזאָגט: אַוודאי וועלן מיר געבן. און זיי האָבן אויסגעשפּרייט אַ טוך, און האָבן אַריינגעוואָרפן אַהין איטלעכער אַ נאָזרינג פון זיין רויב. [26] און די וואָג פון די גילדערנע נאָזרינגען וואָס ער האָט געבעטן, איז געווען טויזנט און זיבן הונדערט

[שֶׁקל] גאָלד, אַחוץ די לבנהלעך, און די אויערינגען, און די פּורפּלקליידער וואָס אויף די מלכים פון מִדיָן, און אַחוץ די קייטלעך וואָס אויף די העלדזער פון זייערע קעמלען.
27 און גִדעון האָט דערפון געמאַכט אַן אֵפוד, און האָט אים אַוועקגעשטעלט אין זיין שטאָט, אין עָפרה. און גאַנץ ישׂראל זיינען פאַרפירט געווען נאָך אים דאָרטן, און ער איז געווען גִדעונען און זיין הויז פאַר אַ שטרויכלונג.
28 און מִדיָן איז אונטערטעניק געוואָרן פאַר די קינדער פון ישׂראל, און זיי האָבן מער ניט אויפגעהויבן זייער קאָפּ; און דאָס לאַנד איז געווען רואיק פערציק יאָר אין די טעג פון גִדעונען.
29 און ירובַעל דער זון פון יואָשן איז אַוועקגעגאַנגען; און ער איז געזעסן אין זיין הויז. 30 און גִדעון האָט געהאַט זיבעציק זין וואָס זיינען אַרויס פון זיין דיך, וואָרום ער האָט געהאַט אַ סך ווייבער. 31 און זיין קעפּסווייב וואָס אין שכֶם, זי אויך האָט אים געבאָרן אַ זון, און ער האָט גערופן זיין נאָמען אַבימֶלֶך. 32 און גִדעון דער זון פון יואָשן איז געשטאָרבן אין אַ גוטער עלטער, און איז באַגראָבן געוואָרן אין דעם קבר פון זיין פאָטער יואָשן אין עָפרה פון די אַביעזרער.
33 און עס איז געווען, ווי גִדעון איז געשטאָרבן, אַזוי זיינען די קינדער פון ישׂראל ווידער פאַרפירט געוואָרן נאָך די בַעַל־געטער, און זיי האָבן זיך געמאַכט בַעַל־ברית פאַר אַ גאָט. 34 און די קינדער פון ישׂראל האָבן ניט געדאַכט אָן יהוה זייער גאָט וואָס האָט זיי מציל געווען פון דער האַנט פון אַלע זייערע פיינט פון רונד אַרום. 35 און זיי האָבן ניט געטאָן חסד מיט דעם הויז פון ירובַעל־גִדעונען, לויט אַלעם גוטן וואָס ער האָט געטאָן מיט ישׂראל.

מְאוֹת זָהָב לְבַד מִן־הַשַּׂהֲרֹנִים וְהַנְּטִפוֹת וּבִגְדֵי הָאַרְגָּמָן
שֶׁעַל מַלְכֵי מִדְיָן וּלְבַד מִן־הָעֲנָקוֹת אֲשֶׁר בְּצַוְּארֵי
כז גְמַלֵּיהֶם׃ וַיַּעַשׂ אוֹתוֹ גִדְעוֹן לְאֵפוֹד וַיַּצֵּג אוֹתוֹ בְעִירוֹ
בְּעָפְרָה וַיִּזְנוּ כָל־יִשְׂרָאֵל אַחֲרָיו שָׁם וַיְהִי לְגִדְעוֹן וּלְבֵיתוֹ
כח לְמוֹקֵשׁ׃ וַיִּכָּנַע מִדְיָן לִפְנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא יָסְפוּ לָשֵׂאת
רֹאשָׁם וַתִּשְׁקֹט הָאָרֶץ אַרְבָּעִים שָׁנָה בִּימֵי גִדְעוֹן׃
כט ל וַיֵּלֶךְ יְרֻבַּעַל בֶּן־יוֹאָשׁ וַיֵּשֶׁב בְּבֵיתוֹ׃ וּלְגִדְעוֹן הָיוּ שִׁבְעִים
לא בָּנִים יֹצְאֵי יְרֵכוֹ כִּי־נָשִׁים רַבּוֹת הָיוּ לוֹ׃ וּפִילַגְשׁוֹ אֲשֶׁר
בִּשְׁכֶם יָלְדָה־לּוֹ גַם־הִיא בֵּן וַיָּשֶׂם אֶת־שְׁמוֹ אֲבִימֶלֶךְ׃
לב וַיָּמָת גִּדְעוֹן בֶּן־יוֹאָשׁ בְּשֵׂיבָה טוֹבָה וַיִּקָּבֵר בְּקֶבֶר יוֹאָשׁ
לג אָבִיו בְּעָפְרָה אֲבִי הָעֶזְרִי׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר מֵת גִּדְעוֹן
וַיָּשׁוּבוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּזְנוּ אַחֲרֵי הַבְּעָלִים וַיָּשִׂימוּ לָהֶם
לד בַּעַל בְּרִית לֵאלֹהִים׃ וְלֹא זָכְרוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־יְהוָה
לה אֱלֹהֵיהֶם הַמַּצִּיל אוֹתָם מִיַּד כָּל־אֹיְבֵיהֶם מִסָּבִיב׃ וְלֹא־
עָשׂוּ חֶסֶד עִם־בֵּית יְרֻבַּעַל גִּדְעוֹן כְּכָל־הַטּוֹבָה אֲשֶׁר עָשָׂה
עִם־יִשְׂרָאֵל׃

## ט

א וַיֵּלֶךְ אֲבִימֶלֶךְ בֶּן־יְרֻבַּעַל שְׁכֶמָה אֶל־אֲחֵי אִמּוֹ וַיְדַבֵּר
ב אֲלֵיהֶם וְאֶל־כָּל־מִשְׁפַּחַת בֵּית־אֲבִי אִמּוֹ לֵאמֹר׃ דַּבְּרוּ־
נָא בְּאָזְנֵי כָל־בַּעֲלֵי שְׁכֶם מַה־טּוֹב לָכֶם הַמְשֹׁל בָּכֶם
שִׁבְעִים אִישׁ כֹּל בְּנֵי יְרֻבַּעַל אִם־מְשֹׁל בָּכֶם אִישׁ אֶחָד
ג וּזְכַרְתֶּם כִּי־עַצְמְכֶם וּבְשַׂרְכֶם אָנִי׃ וַיְדַבְּרוּ אֲחֵי־אִמּוֹ
עָלָיו בְּאָזְנֵי כָּל־בַּעֲלֵי שְׁכֶם אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיֵּט
ד לִבָּם אַחֲרֵי אֲבִימֶלֶךְ כִּי אָמְרוּ אָחִינוּ הוּא׃ וַיִּתְּנוּ־לוֹ
שִׁבְעִים כֶּסֶף מִבֵּית בַּעַל בְּרִית וַיִּשְׂכֹּר בָּהֶם אֲבִימֶלֶךְ
ה אֲנָשִׁים רֵיקִים וּפֹחֲזִים וַיֵּלְכוּ אַחֲרָיו׃ וַיָּבֹא בֵית־אָבִיו
עָפְרָתָה וַיַּהֲרֹג אֶת־אֶחָיו בְּנֵי־יְרֻבַּעַל שִׁבְעִים אִישׁ עַל־
אֶבֶן אֶחָת וַיִּוָּתֵר יוֹתָם בֶּן־יְרֻבַּעַל הַקָּטֹן כִּי נֶחְבָּא׃

ט 1 און אַבימֶלֶך דער זון פון ירובַעלן איז געגאַנגען קיין שכֶם צו זיין מוטערס ברידער, און ער האָט גערעדט צו זיי, און צו דער גאַנצער משפחה פון דעם הויז פון זיין מוטערס פאָטער, אַזוי צו זאָגן: 2 רעדט, איך בעט אייך, אין די אויערן פון אַלע מענער פון שכֶם: וואָס איז אייך בעסער, צי איבער אייך זאָלן געוועלטיקן זיבעציק מאַן, אַלע זין פון ירובַעלן, אָדער איבער אייך זאָל געוועלטיקן איין מאַן? אויך דאַרפט איר געדענקען אַז אייער ביין און אייער פלייש בין איך.
3 האָבן זיין מוטערס ברידער גערעדט פון זיינעטוועגן אין די אויערן פון אַלע מענער פון שכֶם אַלע דידאָזיקע ווערטער, און זייער האַרץ האָט זיך גענייגט נאָך אַבימֶלֶכן, וואָרום זיי האָבן געזאָגט: אונדזערער אַ ברודער איז ער. 4 און זיי האָבן אים געגעבן זיבעציק זילבערשטיק פון דעם הויז פון בַעַל־ברית, און אַבימֶלֶך האָט דערמיט אָנגעדונגען נישטיקע און לויזע לייט, און זיי זיינען געגאַנגען נאָך אים. 5 און ער איז געקומען אין זיין פאָטערס הויז אין עָפרה, און האָט געהרגעט זיינע ברידער, די זין פון ירובַעלן, זיבעציק מאַן, אויף איין שטיין; נאָר יותָם דער יינגסטער זון פון ירובַעלן איז געבליבן, ווייל ער האָט זיך באַהאַלטן.

ו וַיֵּאָסְפוּ כָּל־בַּעֲלֵי שְׁכֶם וְכָל־בֵּית מִלּוֹא וַיֵּלְכוּ וַיַּמְלִיכוּ
ז אֶת־אֲבִימֶלֶךְ לְמֶלֶךְ עִם־אֵלוֹן מֻצָּב אֲשֶׁר בִּשְׁכֶם׃ וַיַּגִּדוּ
לְיוֹתָם וַיֵּלֶךְ וַיַּעֲמֹד בְּרֹאשׁ הַר־גְּרִזִים וַיִּשָּׂא קוֹלוֹ וַיִּקְרָא
וַיֹּאמֶר לָהֶם שִׁמְעוּ אֵלַי בַּעֲלֵי שְׁכֶם וְיִשְׁמַע אֲלֵיכֶם
ח אֱלֹהִים׃ הָלוֹךְ הָלְכוּ הָעֵצִים לִמְשֹׁחַ עֲלֵיהֶם מֶלֶךְ וַיֹּאמְרוּ
ט לַזַּיִת מְלוֹכָה עָלֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם הַזַּיִת הֶחֳדַלְתִּי אֶת־
דִּשְׁנִי אֲשֶׁר־בִּי יְכַבְּדוּ אֱלֹהִים וַאֲנָשִׁים וְהָלַכְתִּי לָנוּעַ עַל־
י הָעֵצִים׃ וַיֹּאמְרוּ הָעֵצִים לַתְּאֵנָה לְכִי־אַתְּ מָלְכִי עָלֵינוּ׃
יא וַתֹּאמֶר לָהֶם הַתְּאֵנָה הֶחֳדַלְתִּי אֶת־מָתְקִי וְאֶת־תְּנוּבָתִי
יב הַטּוֹבָה וְהָלַכְתִּי לָנוּעַ עַל־הָעֵצִים׃ וַיֹּאמְרוּ הָעֵצִים לַגֶּפֶן
יג לְכִי־אַתְּ מְלוֹכִי עָלֵינוּ׃ וַתֹּאמֶר לָהֶם הַגֶּפֶן הֶחֳדַלְתִּי אֶת־
תִּירוֹשִׁי הַמְשַׂמֵּחַ אֱלֹהִים וַאֲנָשִׁים וְהָלַכְתִּי לָנוּעַ עַל־
יד הָעֵצִים׃ וַיֹּאמְרוּ כָל־הָעֵצִים אֶל־הָאָטָד לֵךְ אַתָּה מְלָךְ־
טו עָלֵינוּ׃ וַיֹּאמֶר הָאָטָד אֶל־הָעֵצִים אִם בֶּאֱמֶת אַתֶּם מֹשְׁחִים
אֹתִי לְמֶלֶךְ עֲלֵיכֶם בֹּאוּ חֲסוּ בְצִלִּי וְאִם־אַיִן תֵּצֵא אֵשׁ
טז מִן־הָאָטָד וְתֹאכַל אֶת־אַרְזֵי הַלְּבָנוֹן׃ וְעַתָּה אִם־בֶּאֱמֶת
וּבְתָמִים עֲשִׂיתֶם וַתַּמְלִיכוּ אֶת־אֲבִימֶלֶךְ וְאִם־טוֹבָה עֲשִׂיתֶם
יז עִם־יְרֻבַּעַל וְעִם־בֵּיתוֹ וְאִם־כִּגְמוּל יָדָיו עֲשִׂיתֶם לוֹ׃ אֲשֶׁר־
נִלְחַם אָבִי עֲלֵיכֶם וַיַּשְׁלֵךְ אֶת־נַפְשׁוֹ מִנֶּגֶד וַיַּצֵּל אֶתְכֶם
יח מִיַּד מִדְיָן׃ וְאַתֶּם קַמְתֶּם עַל־בֵּית אָבִי הַיּוֹם וַתַּהַרְגוּ אֶת־
בָּנָיו שִׁבְעִים אִישׁ עַל־אֶבֶן אֶחָת וַתַּמְלִיכוּ אֶת־אֲבִימֶלֶךְ
יט בֶּן־אֲמָתוֹ עַל־בַּעֲלֵי שְׁכֶם כִּי אֲחִיכֶם הוּא׃ וְאִם־בֶּאֱמֶת
וּבְתָמִים עֲשִׂיתֶם עִם־יְרֻבַּעַל וְעִם־בֵּיתוֹ הַיּוֹם הַזֶּה שִׂמְחוּ
כ בַּאֲבִימֶלֶךְ וְיִשְׂמַח גַּם־הוּא בָּכֶם׃ וְאִם־אַיִן תֵּצֵא אֵשׁ
מֵאֲבִימֶלֶךְ וְתֹאכַל אֶת־בַּעֲלֵי שְׁכֶם וְאֶת־בֵּית מִלּוֹא וְתֵצֵא
אֵשׁ מִבַּעֲלֵי שְׁכֶם וּמִבֵּית מִלּוֹא וְתֹאכַל אֶת־אֲבִימֶלֶךְ׃
כא וַיָּנָס יוֹתָם וַיִּבְרַח וַיֵּלֶךְ בְּאֵרָה וַיֵּשֶׁב שָׁם מִפְּנֵי אֲבִימֶלֶךְ

ח׳ מלכה קרי   יב׳ מלכי קרי

6 און אַלע מענער פון שכֶם און גאַנץ בֵּית־מִלוֹא האָבן זיך אײַנגעזאַמלט, און זײ זײַנען געגאַנגען, און האָבן געמאַכט אַבימֶלֶכן פאַר אַ מלך בײַם אײכנבוים פון דעם זײַלשטײן װאָס אין שכֶם. 7 האָט מען אָנגעזאָגט יוֹתָמען, און ער איז געגאַנגען, און האָט זיך געשטעלט אױפֿן שפּיץ באַרג גרִזים, און ער האָט אױפֿגעהױבן זײַן קָול און גערופֿן, און האָט צו זײ געזאָגט: הערט מיר צו, מענער פון שכֶם, און גאָט װעט אײַך צוהערן: 8 געגאַנגען זײַנען געגאַנגען די בײמער צו זאַלבן אַ מלך איבער זיך, און זײ האָבן געזאָגט צום אײלבערטבױם: קיניג איבער אונדז. 9 האָט דער אײלבערטבױם צו זײ געזאָגט: זאָל איך אױפֿגעבן מײַן פֿעטקײט, װאָס מיט מיר טוט מען כּבֿוד גאָט און לײַט, און גײן זיך װיגן איבער די בײמער? 10 האָבן די בײמער געזאָגט צום פֿײַגנבױם: קום דו, קיניג איבער אונדז. 11 האָט דער פֿײַגנבױם צו זײ געזאָגט: זאָל איך אױפֿגעבן מײַן זיסקײט און מײַן גוטע פּרוכט, און גײן זיך װיגן איבער די בײמער? 12 האָבן די בײמער געזאָגט צום װײַנשטאָק: קום דו, קיניג איבער אונדז. 13 האָט דער װײַנשטאָק צו זײ געזאָגט: זאָל איך אױפֿגעבן מײַן װײַן װאָס דערפֿרײט גאָט און לײַט, און גײן זיך װיגן איבער די בײמער? 14 האָבן אַלע בײמער געזאָגט צום דאָרן: קום דו, קיניג איבער אונדז. 15 האָט דער דאָרן געזאָגט צו די בײמער: אױב איר װילט מיך אין דער אמת זאַלבן פֿאַר אַ מלך איבער אײַך, קומט און שיצט אײַך אין מײַן שאָטן; און אױב ניט, זאָל אַרױסגײן אַ פֿײַער פון דעם דאָרן, און פֿאַרצערן די צעדערן פון לבָנוֹן.

16 און אַצונד, אױב איר האָט זיך מיט אמת און מיט ערלעכקײט באַגאַנגען, װאָס איר האָט געמאַכט אַבימֶלֶכן פֿאַר אַ מלך, און אױב איר האָט געטאָן גוטס מיט ירוּבַּעַלן און מיט זײַן הױז, און אױב איר האָט אים געטאָן לױט דעם פֿאַרדינסט פון זײַנע הענט— 17 װאָרום מײַן פֿאָטער האָט מלחמה געהאַלטן פֿאַר אײַך, און האָט אַװעקגעװאָרפֿן זײַן לעבן, און אײַך מציל געװען פון דער האַנט פון מִדיָן; 18 און איר זײַט הײַנט אױפֿגעשטאַנען אױף מײַן פֿאָטערס הױז, און האָט געהרגעט זײַנע זין, זיבעציק מאַן, אױף אײן שטײן, און געמאַכט אַבימֶלֶך דעם זון פון זײַן דינסט פֿאַר אַ מלך איבער די מענער פון שכֶם, װײַל ער איז אײַער אַ ברודער— 19 איז, אױב איר האָט זיך מיט אמת און מיט ערלעכקײט באַגאַנגען מיט ירוּבַּעַלן און מיט זײַן הױז הײַנטיקן טאָג, פֿרײט זיך מיט אַבימֶלֶכן, און זאָל ער זיך פֿרײען מיט אײַך. 20 אױב אָבער ניט, זאָל אַרױסגײן אַ פֿײַער פון אַבימֶלֶכן, און פֿאַרצערן די מענער פון שכֶם און בֵּית־מִלוֹא; און זאָל אַרױסגײן אַ פֿײַער פון די מענער פון שכֶם און בֵּית־מִלוֹא, און פֿאַרצערן אַבימֶלֶכן.

21 און יוֹתָם איז אַנטרונען געװאָרן; און ער איז אַנטלאָפֿן און איז אַװעק קײן בּאֵר, און איז דאָרטן געזעסן פון װעגן זײַן ברודער אַבימֶלֶכן.

כב אָחִיו׃ וַיָּשַׂר אֲבִימֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל שָׁלֹשׁ שָׁנִים׃
כג וַיִּשְׁלַח אֱלֹהִים רוּחַ רָעָה בֵּין אֲבִימֶלֶךְ וּבֵין בַּעֲלֵי שְׁכֶם
כד וַיִּבְגְּדוּ בַעֲלֵי־שְׁכֶם בַּאֲבִימֶלֶךְ׃ לָבוֹא חֲמַס שִׁבְעִים בְּנֵי־
יְרֻבָּעַל וְדָמָם לָשׂוּם עַל־אֲבִימֶלֶךְ אֲחִיהֶם אֲשֶׁר הָרַג אוֹתָם
וְעַל בַּעֲלֵי שְׁכֶם אֲשֶׁר־חִזְּקוּ אֶת־יָדָיו לַהֲרֹג אֶת־אֶחָיו׃
כה וַיָּשִׂימוּ לוֹ בַעֲלֵי שְׁכֶם מְאָרְבִים עַל רָאשֵׁי הֶהָרִים וַיִּגְזְלוּ
אֵת כָּל־אֲשֶׁר־יַעֲבֹר עֲלֵיהֶם בַּדָּרֶךְ וַיֻּגַּד לַאֲבִימֶלֶךְ׃
כו וַיָּבֹא גַּעַל בֶּן־עֶבֶד וְאֶחָיו וַיַּעַבְרוּ בִּשְׁכֶם וַיִּבְטְחוּ־בוֹ בַּעֲלֵי
כז שְׁכֶם׃ וַיֵּצְאוּ הַשָּׂדֶה וַיִּבְצְרוּ אֶת־כַּרְמֵיהֶם וַיִּדְרְכוּ וַיַּעֲשׂוּ
הִלּוּלִים וַיָּבֹאוּ בֵּית אֱלֹהֵיהֶם וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ וַיְקַלְלוּ אֶת־
כח אֲבִימֶלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר ׀ גַּעַל בֶּן־עֶבֶד מִי־אֲבִימֶלֶךְ וּמִי־שְׁכֶם
כִּי נַעַבְדֶנּוּ הֲלֹא בֶן־יְרֻבַּעַל וּזְבֻל פְּקִידוֹ עִבְדוּ אֶת־אַנְשֵׁי
כט חֲמוֹר אֲבִי שְׁכֶם וּמַדּוּעַ נַעַבְדֶנּוּ אֲנָחְנוּ׃ וּמִי יִתֵּן אֶת־
הָעָם הַזֶּה בְּיָדִי וְאָסִירָה אֶת־אֲבִימֶלֶךְ וַיֹּאמֶר לַאֲבִימֶלֶךְ
ל רַבֶּה צְבָאֲךָ וָצֵאָה׃ וַיִּשְׁמַע זְבֻל שַׂר־הָעִיר אֶת־דִּבְרֵי
לא גַּעַל בֶּן־עָבֶד וַיִּחַר אַפּוֹ׃ וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֶל־אֲבִימֶלֶךְ
בְּתָרְמָה לֵאמֹר הִנֵּה גַעַל בֶּן־עֶבֶד וְאֶחָיו בָּאִים שְׁכֶמָה
לב וְהִנָּם צָרִים אֶת־הָעִיר עָלֶיךָ׃ וְעַתָּה קוּם לַיְלָה אַתָּה
לג וְהָעָם אֲשֶׁר־אִתָּךְ וֶאֱרֹב בַּשָּׂדֶה׃ וְהָיָה בַבֹּקֶר כִּזְרֹחַ
הַשֶּׁמֶשׁ תַּשְׁכִּים וּפָשַׁטְתָּ עַל־הָעִיר וְהִנֵּה־הוּא וְהָעָם אֲשֶׁר־
אִתּוֹ יֹצְאִים אֵלֶיךָ וְעָשִׂיתָ לּוֹ כַּאֲשֶׁר תִּמְצָא יָדֶךָ׃
לד וַיָּקָם אֲבִימֶלֶךְ וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר־עִמּוֹ לַיְלָה וַיֶּאֶרְבוּ עַל־
לה שְׁכֶם אַרְבָּעָה רָאשִׁים׃ וַיֵּצֵא גַּעַל בֶּן־עֶבֶד וַיַּעֲמֹד פֶּתַח
שַׁעַר הָעִיר וַיָּקָם אֲבִימֶלֶךְ וְהָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ מִן־הַמַּאְרָב׃
לו וַיַּרְא־גַעַל אֶת־הָעָם וַיֹּאמֶר אֶל־זְבֻל הִנֵּה־עָם יוֹרֵד
מֵרָאשֵׁי הֶהָרִים וַיֹּאמֶר אֵלָיו זְבֻל אֵת צֵל הֶהָרִים אַתָּה
לז רֹאֶה כָּאֲנָשִׁים׃ וַיֹּסֶף עוֹד גַּעַל לְדַבֵּר וַיֹּאמֶר הִנֵּה־עָם

כט׳ כצל   לג׳ למדנחאי אל

22 און אבימלך האָט געהערשט איבער ישראל דריי יאָר. 23 אָבער גאָט האָט אָנגעשיקט אַ בייז געמיט צווישן אבימלכן און צווישן די מענער פון שכם, און די מענער פון שכם האָבן געפעלשט אָן אבימלכן.— 24 כדי דאָס אומרעכט אַקעגן די זיבעציק זין פון ירובעלן זאָל אויסגיין, און זייער בלוט אַרויפצוטאָן, אויף זייער ברודער אבימלכן וואָס האָט זיי געהרגעט, און אויף די מענער פון שכם וואָס האָבן געשטאַרקט זיינע הענט צו הרגען זיינע ברידער.— 25 און די מענער פון שכם האָבן געשטעלט לויערער אויף אים, אויף די שפיצן בערג, און זיי האָבן באַרויבט איטלעכן וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען אויפן וועג; און עס איז דערציילט געוואָרן אבימלכן.

26 און געל דער זון פון עבדן איז געקומען מיט זיינע ברידער, און זיי זיינען אַריבער אין שכם. און די מענער פון שכם האָבן זיך איינגעגלויבט אין אים. 27 און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אין פעלד, און האָבן געהאַרבסט זייערע וויינגערטנער און געקעלטערט, און געמאַכט אַ יום־טוב, און זיי זיינען געגאַנגען אין הויז פון זייער גאָט, און האָבן געגעסן און געטרונקען, און געשאָלטן אבימלכן. 28 און געל דער זון פון עבדן האָט געזאָגט: ווער איז אבימלך, און ווער איז שכם, אַז מיר זאָלן אים דינען? איז ער ניט דער זון פון ירובעלן, און זבול זיין אויפזעער? דינט מענטשן פון חמור דעם פאָטער פון שכם; אָבער פאַרוואָס זאָלן מיר אים דינען? 29 און הלואי גיט ווער דאָסדאָזיקע פאָלק אין מיין האַנט, איך וואָלט שוין אָפּגעשאַפט אבימלכן. און ער האָט געלאָזט זאָגן אבימלכן: מער דיין חיל, און קום אַרויס.

30 און זבול דער האַר פון שטאָט האָט געהערט די ווערטער פון געל דעם זון פון עבדן, און זיין צאָרן האָט געברימט. 31 און ער האָט געשיקט שלוחים צו אבימלכן קיין תרמה, אַזוי צו זאָגן: זע, געל דער זון פון עבדן און זיינע ברידער זיינען געקומען קיין שכם, און אָט העצן זיי די שטאָט אויף דיר. 32 און אַצונד, שטיי אויף ביי נאַכט, דו און דאָס פאָלק וואָס מיט דיר, און לויער אין פעלד. 33 און עס וועט זיין אין דער פרי, ווי די זון גייט אויף, אַזוי זאָלסטו דיך פעדערן, און זיך אַ לאָז טאָן אויף דער שטאָט; און אָט ווי ער און דאָס פאָלק וואָס מיט אים גייען אַרויס צו דיר, אַזוי זאָלסטו טאָן צו אים ווי דיין האַנט וועט קענען.

34 איז אויפגעשטאַנען אבימלך און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים ביי נאַכט, און זיי האָבן געלויערט אויף שכם אין פיר מחנות. 35 און ווי געל דער זון פון עבדן איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט זיך געשטעלט אין איינגאַנג פון שטאָט־טויער, אַזוי איז אויפגעשטאַנען אבימלך און דאָס פאָלק וואָס מיט אים, פון דער לויער. 36 האָט געל דערזען דאָס פאָלק, און ער האָט געזאָגט צו זבולן: זע, פאָלק נידערט אַראָפּ פון די שפיצן בערג. האָט זבול צו אים געזאָגט: דעם שאָטן פון די בערג זעסטו אַזוי ווי מענטשן. 37 האָט געל ווידער גערעדט און האָט געזאָגט: זע, פאָלק

יֹרְדִים מֵעִם טַבּוּר הָאָרֶץ וְרֹאשׁ־אֶחָד בָּא מִדֶּרֶךְ אֵלוֹן
מְעוֹנְנִים׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו זְבֻל אַיֵּה אֵפוֹא פִיךָ אֲשֶׁר תֹּאמַר לח
מִי אֲבִימֶלֶךְ כִּי נַעַבְדֶנּוּ הֲלֹא זֶה הָעָם אֲשֶׁר־מָאַסְתָּה בּוֹ
צֵא־נָא עַתָּה וְהִלָּחֶם בּוֹ׃ וַיֵּצֵא גַעַל לִפְנֵי בַּעֲלֵי שְׁכֶם לט
וַיִּלָּחֶם בַּאֲבִימֶלֶךְ׃ וַיִּרְדְּפֵהוּ אֲבִימֶלֶךְ וַיָּנָס מִפָּנָיו וַיִּפְּלוּ מ
חֲלָלִים רַבִּים עַד־פֶּתַח הַשָּׁעַר׃ וַיֵּשֶׁב אֲבִימֶלֶךְ בָּארוּמָה מא
וַיְגָרֶשׁ זְבֻל אֶת־גַּעַל וְאֶת־אֶחָיו מִשֶּׁבֶת בִּשְׁכֶם׃ וַיְהִי מב
מִמָּחֳרָת וַיֵּצֵא הָעָם הַשָּׂדֶה וַיַּגִּדוּ לַאֲבִימֶלֶךְ׃ וַיִּקַּח אֶת־ מג
הָעָם וַיֶּחֱצֵם לִשְׁלֹשָׁה רָאשִׁים וַיֶּאֱרֹב בַּשָּׂדֶה וַיַּרְא וְהִנֵּה
הָעָם יֹצֵא מִן־הָעִיר וַיָּקָם עֲלֵיהֶם וַיַּכֵּם׃ וַאֲבִימֶלֶךְ מד
וְהָרָאשִׁים אֲשֶׁר עִמּוֹ פָּשְׁטוּ וַיַּעַמְדוּ פֶּתַח שַׁעַר הָעִיר
וּשְׁנֵי הָרָאשִׁים פָּשְׁטוּ עַל־כָּל־אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה וַיַּכּוּם׃
וַאֲבִימֶלֶךְ נִלְחָם בָּעִיר כֹּל הַיּוֹם הַהוּא וַיִּלְכֹּד אֶת־הָעִיר מה
וְאֶת־הָעָם אֲשֶׁר־בָּהּ הָרָג וַיִּתֹּץ אֶת־הָעִיר וַיִּזְרָעֶהָ מֶלַח׃
וַיִּשְׁמְעוּ כָּל־בַּעֲלֵי מִגְדַּל־שְׁכֶם וַיָּבֹאוּ אֶל־צְרִיחַ מו
בֵּית אֵל בְּרִית׃ וַיֻּגַּד לַאֲבִימֶלֶךְ כִּי הִתְקַבְּצוּ כָּל־בַּעֲלֵי מז
מִגְדַּל־שְׁכֶם׃ וַיַּעַל אֲבִימֶלֶךְ הַר־צַלְמוֹן הוּא וְכָל־הָעָם מח
אֲשֶׁר־אִתּוֹ וַיִּקַּח אֲבִימֶלֶךְ אֶת־הַקַּרְדֻּמּוֹת בְּיָדוֹ וַיִּכְרֹת
שׂוֹכַת עֵצִים וַיִּשָּׂאֶהָ וַיָּשֶׂם עַל־שִׁכְמוֹ וַיֹּאמֶר אֶל־הָעָם
אֲשֶׁר־עִמּוֹ מָה רְאִיתֶם עָשִׂיתִי מַהֲרוּ עֲשׂוּ כָמוֹנִי׃ וַיִּכְרְתוּ מט
גַם־כָּל־הָעָם אִישׁ שׂוֹכֹה וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵי אֲבִימֶלֶךְ וַיָּשִׂימוּ
עַל־הַצְּרִיחַ וַיַּצִּיתוּ עֲלֵיהֶם אֶת־הַצְּרִיחַ בָּאֵשׁ וַיָּמֻתוּ גַּם
כָּל־אַנְשֵׁי מִגְדַּל־שְׁכֶם כְּאֶלֶף אִישׁ וְאִשָּׁה׃ וַיֵּלֶךְ נ
אֲבִימֶלֶךְ אֶל־תֵּבֵץ וַיִּחַן בְּתֵבֵץ וַיִּלְכְּדָהּ׃ וּמִגְדַּל־עֹז הָיָה נא
בְתוֹךְ־הָעִיר וַיָּנֻסוּ שָׁמָּה כָּל־הָאֲנָשִׁים וְהַנָּשִׁים וְכֹל בַּעֲלֵי
הָעִיר וַיִּסְגְּרוּ בַּעֲדָם וַיַּעֲלוּ עַל־גַּג הַמִּגְדָּל׃ וַיָּבֹא אֲבִימֶלֶךְ נב
עַד־הַמִּגְדָּל וַיִּלָּחֶם בּוֹ וַיִּגַּשׁ עַד־פֶּתַח הַמִּגְדָּל לְשָׂרְפוֹ
בָאֵשׁ׃ וַתַּשְׁלֵךְ אִשָּׁה אַחַת פֶּלַח רֶכֶב עַל־רֹאשׁ אֲבִימֶלֶךְ נג

מה ס״א בקמץ

נידערט אַראָפּ פון דעם נאָפּל פון לאַנד, און איין מחנה קומט פון דעם וועג פון אַלון־מְעוֹנְנִים. 38 האָט זבול צו אים געזאָגט: היינט וווּ איז דיין מויל ווען דו האָסט געזאָגט: ווער איז אֲבִימֶלֶךְ, אַז מיר זאָלן אים דינען? איז דאָס ניט דאָס פאָלק וואָס דו האָסט עס פאַראַכט? גיי אדרבה אַרויס אַצונד, און האַלט מלחמה אַקעגן אים.

39 איז גַעַל אַרויסגעגאַנגען פאַרויס פאַר די מענער פון שְׁכֶם, און ער האָט מלחמה געהאַלטן אַקעגן אֲבִימֶלֶכן. 40 און אֲבִימֶלֶךְ האָט אים נאָכגעיאָגט, און ער איז פון אים אַנטלאָפן; און עס זיינען געפאַלן פיל דערשלאָגענע ביז צום איינגאַנג פון טויער.

41 און אֲבִימֶלֶךְ איז געבליבן אין אֲרוּמָה; און זבול האָט פאַרטריבן גַעלן און זיינע ברידער פון זיצן אין שְׁכֶם.

42 און עס איז געווען אויף מאָרגן, איז דאָס פאָלק אַרויסגעגאַנגען אין פעלד, און מע האָט אָנגעזאָגט אֲבִימֶלֶכן. 43 האָט ער גענומען דאָס פאָלק, און האָט זיי צעטיילט אין דריי מחנות; און ער האָט געלויערט אין פעלד. האָט ער דערזען, ערשט דאָס פאָלק גייט אַרויס פון שטאָט, און ער איז אויפגעשטאַנען אויף זיי, און האָט זיי געשלאָגן. 44 און אֲבִימֶלֶךְ און די מחנות וואָס מיט אים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן, און האָבן זיך געשטעלט ביים איינגאַנג פון שטאָטטויער; און די צוויי מחנות האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אויף אַלע וואָס אין פעלד, און האָבן זיי געשלאָגן. 45 און אֲבִימֶלֶךְ האָט מלחמה געהאַלטן אויף דער שטאָט יענעם גאַנצן טאָג, און האָט באַצוווּנגען די שטאָט, און דאָס פאָלק וואָס אין איר האָט ער געהרגעט; און ער האָט איינגעוואָרפן די שטאָט, און האָט זי פאַרזייט מיט זאַלץ.

46 האָבן דערהערט אַלע מענער פון מִגְדַּל־שְׁכֶם, און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען אין טורעם פון דעם הויז פון אֵל־בְּרִית. 47 איז אָנגעזאָגט געוואָרן אֲבִימֶלֶכן, אַז אַלע מענער פון מִגְדַּל־שְׁכֶם האָבן זיך צונויפגעקליבן. 48 און אֲבִימֶלֶךְ איז אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג צַלְמוֹן, ער און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים, און אֲבִימֶלֶךְ האָט גענומען אַ האַק אין זיין האַנט, און האָט אָפּגעהאַקט אַ צווייג פון די ביימער, און האָט אים גענומען און אַרויפגעטאָן אויף זיין אַקסל; און ער האָט געזאָגט צו דעם פאָלק וואָס מיט אים: וואָס איר האָט געזען מיך טאָן, איילט, טוט אַזוי ווי איך. 49 האָט אויך דאָס גאַנצע פאָלק אָפּגעהאַקט איטלעכער זיין צווייג, און זיי זיינען געגאַנגען נאָך אֲבִימֶלֶכן, און האָבן עס אָנגעלייגט אַרום דעם טורעם, און אָנגעצונדן אויף זיי דעם טורעם אין פייער; און אויך אַלע מענטשן פון מִגְדַּל־שְׁכֶם זיינען אומגעקומען, אַרום טויזנט מענער און פרויען.

50 און אֲבִימֶלֶךְ איז געגאַנגען קיין תֵּבֵץ, און ער האָט געלעגערט אויף תֵּבֵץ, און האָט זי באַצוווּנגען. 51 אָבער אַ שטאַרקער טורעם איז געווען אין מיטן שטאָט, זיינען אַהין אַנטלאָפן אַלע מענער און פרויען, אַלע מענטשן פון שטאָט, און זיי האָבן זיך איינגעשלאָסן, און זיינען אַרויפגעגאַנגען אויפן דאַך פון טורעם. 52 איז אֲבִימֶלֶךְ צוגעקומען ביזן טורעם, און האָט מלחמה געהאַלטן אויף אים, און ער האָט גענענט ביזן איינגאַנג פון טורעם, כדי אים צו פאַרברענען אין פייער. 53 האָט אַ פרוי אַראָפּגעוואָרפן אַן אויבערשטן מילשטיין אויף אֲבִימֶלֶכס קאָפּ,

נד וַתָּרָץ אֶת־גֻּלְגָּלְתּוֹ׃ וַיִּקְרָא מְהֵרָה אֶל־הַנַּעַר ׀ נֹשֵׂא כֵלָיו
וַיֹּאמֶר לוֹ שְׁלֹף חַרְבְּךָ וּמוֹתְתֵנִי פֶּן־יֹאמְרוּ לִי אִשָּׁה הֲרָגָתְהוּ
נה וַיִּדְקְרֵהוּ נַעֲרוֹ וַיָּמֹת׃ וַיִּרְאוּ אִישׁ־יִשְׂרָאֵל כִּי־מֵת אֲבִימֶלֶךְ
נו וַיֵּלְכוּ אִישׁ לִמְקֹמוֹ׃ וַיָּשֶׁב אֱלֹהִים אֵת רָעַת אֲבִימֶלֶךְ
נז אֲשֶׁר עָשָׂה לְאָבִיו לַהֲרֹג אֶת־שִׁבְעִים אֶחָיו׃ וְאֵת כָּל־רָעַת
אַנְשֵׁי שְׁכֶם הֵשִׁיב אֱלֹהִים בְּרֹאשָׁם וַתָּבֹא אֲלֵיהֶם קִלְלַת
יוֹתָם בֶּן־יְרֻבָּעַל׃

י

א וַיָּקָם אַחֲרֵי אֲבִימֶלֶךְ לְהוֹשִׁיעַ אֶת־יִשְׂרָאֵל תּוֹלָע בֶּן־פּוּאָה
בֶּן־דּוֹדוֹ אִישׁ יִשָּׂשכָר וְהוּא־יֹשֵׁב בְּשָׁמִיר בְּהַר אֶפְרָיִם׃
ב וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל עֶשְׂרִים וְשָׁלֹשׁ שָׁנָה וַיָּמָת וַיִּקָּבֵר
ג בְּשָׁמִיר׃ וַיָּקָם אַחֲרָיו יָאִיר הַגִּלְעָדִי וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל
ד עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה׃ וַיְהִי־לוֹ שְׁלֹשִׁים בָּנִים רֹכְבִים עַל־
שְׁלֹשִׁים עֲיָרִים וּשְׁלֹשִׁים עֲיָרִים לָהֶם לָהֶם יִקְרְאוּ ׀ חַוֺּת
ה יָאִיר עַד הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ הַגִּלְעָד׃ וַיָּמָת יָאִיר
ו וַיִּקָּבֵר בְּקָמוֹן׃ וַיֹּסִפוּ ׀ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת הָרַע
בְּעֵינֵי יְהוָה וַיַּעַבְדוּ אֶת־הַבְּעָלִים וְאֶת־הָעַשְׁתָּרוֹת וְאֶת־
אֱלֹהֵי אֲרָם וְאֶת־אֱלֹהֵי צִידוֹן וְאֵת ׀ אֱלֹהֵי מוֹאָב וְאֵת אֱלֹהֵי
בְנֵי־עַמּוֹן וְאֵת אֱלֹהֵי פְלִשְׁתִּים וַיַּעַזְבוּ אֶת־יְהוָה וְלֹא
ז עֲבָדוּהוּ׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּמְכְּרֵם בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים
ח וּבְיַד בְּנֵי עַמּוֹן׃ * וַיִּרְעֲצוּ וַיְרֹצְצוּ אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בַּשָּׁנָה
הַהִיא שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה שָׁנָה אֶת־כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּעֵבֶר
ט הַיַּרְדֵּן בְּאֶרֶץ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר בַּגִּלְעָד׃ וַיַּעַבְרוּ בְנֵי־עַמּוֹן
אֶת־הַיַּרְדֵּן לְהִלָּחֵם גַּם־בִּיהוּדָה וּבְבִנְיָמִין וּבְבֵית אֶפְרָיִם
י וַתֵּצֶר לְיִשְׂרָאֵל מְאֹד׃ וַיִּזְעֲקוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה לֵאמֹר
חָטָאנוּ לָךְ וְכִי עָזַבְנוּ אֶת־אֱלֹהֵינוּ וַנַּעֲבֹד אֶת־הַבְּעָלִים׃
יא וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֲלֹא מִמִּצְרַיִם וּמִן־

ט,נג׳ כצ״ל י,ח׳ חצי הספר בפסוקים

און האָט אים צעבראָכן דעם שאַרבן. [54] האָט ער אויף גיך צוגערופן דעם יונג, זיין וואָפנטרעגער, און האָט צו אים געזאָגט: ציִ אַרויס דיין שווערד, און טייט מיך, כּדי מע זאָל ניט זאָגן אויף מיר: אַ פרוי האָט אים געהרגעט. האָט אים זיין יונג דערשטאָכן, און ער איז געשטאָרבן.

[55] האָבן געזען די מענער פון ישׂראל אַז אבימלך איז טויט, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען איטלעכער אין זיין היים.

[56] אַזוי האָט גאָט אומגעקערט דאָס בייז פון אַבימלכן וואָס ער האָט געטאָן אַקעגן זיין פאָטער, צו הרגען זיינע זיבעציק ברידער. [57] און דאָס גאַנצע בייז פון די מענטשן פון שכם האָט גאָט אומגעקערט אויף זייער קאָפּ, און זיי איז אָנגעקומען די קללה פון יותם דעם זון פון ירובעלן.

י [1] און נאָך אַבימלכן איז אויפגעשטאַנען צו העלפן ישׂראל תּולע דער זון פון פּואה דעם זון פון דודון, אַ מאַן פון יִששׂכר; און ער איז געזעסן אין שמיר אין דעם געבערג פון אפרים. [2] און ער האָט געמשפּט ישׂראל דריי און צוואַנציק יאָר. און ער איז געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין שמיר.

[3] און נאָך אים איז אויפגעשטאַנען יָאיר דער גלעָדער; און ער האָט געמשפּט ישׂראל צוויי און צוואַנציק יאָר. [4] און ער האָט געהאַט דרייסיק זין וואָס זיינען געריטן אויף דרייסיק יונגע אייזלען[א], און זיי האָבן געהאַט דרייסיק שטעט[א]; מע רופט זיי חַוות־יָאיר[ב] ביז אויף היינטיקן טאָג; די וואָס אין לאַנד גלעָד. [5] און יָאיר איז געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין קמון.

[6] און די קינדער פון ישׂראל האָבן ווידער געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און זיי האָבן געדינט די בַּעַל־געטער, און די עשתּרות, און די געטער פון אַרם, און די געטער פון צידון, און די געטער פון מואָב, און די געטער פון די קינדער פון עַמון, און די געטער פון די פּלשתּים, און זיי האָבן פאַרלאָזן יהוה, און האָבן אים ניט געדינט. [7] און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף ישׂראל, און ער האָט זיי איבערגעענטפערט אין דער האַנט פון די פּלשתּים, און אין דער האַנט פון די קינדער פון עַמון. [8] און זיי האָבן געפּלאָגט און געדריקט די קינדער פון ישׂראל אין יענעם יאָר; אַכצן יאָר [אַזוי], אַלע קינדער פון ישׂראל וואָס אויף יענער זייט יַרדן, אין לאַנד פון אֶמורי וואָס אין גלעָד. [9] און די קינדער פון עַמון זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדן מלחמה צו האַלטן אויך אויף יהודה, און אויף בנימין, און אויפן הויז פון אפרים, און ישׂראלן האָט זייער צוגעדריקט. [10] און די קינדער פון ישׂראל האָבן געשריען צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: מיר האָבן געזינדיקט צו דיר, וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן אונדזער גאָט און גע־דינט די בַּעַל־געטער. [11] האָט גאָט געזאָגט צו די קינדער פון ישׂראל: האָב איך אײַך ניט [געהאָלפן] פון מִצרַים, און פון

[א] וואָרטשפּיל: עֲיָרִים–עֲיָרִים. [ב] יָאירס דערפער.

יב הָאֱמֹרִי מִן־בְּנֵי עַמּוֹן וּמִן־פְּלִשְׁתִּים׃ וְצִידוֹנִים וַעֲמָלֵק
וּמָעוֹן לָחֲצוּ אֶתְכֶם וַתִּצְעֲקוּ אֵלַי וָאוֹשִׁיעָה אֶתְכֶם מִיָּדָם׃
יג וְאַתֶּם עֲזַבְתֶּם אוֹתִי וַתַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים לָכֵן לֹא־
יד אוֹסִיף לְהוֹשִׁיעַ אֶתְכֶם׃ לְכוּ וְזַעֲקוּ אֶל־הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר
טו בְּחַרְתֶּם בָּם הֵמָּה יוֹשִׁיעוּ לָכֶם בְּעֵת צָרַתְכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה חָטָאנוּ עֲשֵׂה־אַתָּה לָנוּ כְּכָל־הַטּוֹב
טז בְּעֵינֶיךָ אַךְ הַצִּילֵנוּ נָא הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיָּסִירוּ אֶת־אֱלֹהֵי
הַנֵּכָר מִקִּרְבָּם וַיַּעַבְדוּ אֶת־יְהוָה וַתִּקְצַר נַפְשׁוֹ בַּעֲמַל
יז יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּצָּעֲקוּ בְּנֵי עַמּוֹן וַיַּחֲנוּ בַּגִּלְעָד וַיֵּאָסְפוּ בְּנֵי
יח יִשְׂרָאֵל וַיַּחֲנוּ בַּמִּצְפָּה׃ וַיֹּאמְרוּ הָעָם שָׂרֵי גִלְעָד אִישׁ
אֶל־רֵעֵהוּ מִי הָאִישׁ אֲשֶׁר יָחֵל לְהִלָּחֵם בִּבְנֵי עַמּוֹן יִהְיֶה
לְרֹאשׁ לְכֹל יֹשְׁבֵי גִלְעָד׃

יא

א וְיִפְתָּח הַגִּלְעָדִי הָיָה גִּבּוֹר חַיִל וְהוּא בֶּן־אִשָּׁה זוֹנָה וַיּוֹלֶד
ב גִּלְעָד אֶת־יִפְתָּח׃ וַתֵּלֶד אֵשֶׁת־גִּלְעָד לוֹ בָּנִים וַיִּגְדְּלוּ
בְנֵי־הָאִשָּׁה וַיְגָרְשׁוּ אֶת־יִפְתָּח וַיֹּאמְרוּ לוֹ לֹא־תִנְחַל בְּבֵית־
ג אָבִינוּ כִּי בֶּן־אִשָּׁה אַחֶרֶת אָתָּה׃ וַיִּבְרַח יִפְתָּח מִפְּנֵי
אֶחָיו וַיֵּשֶׁב בְּאֶרֶץ טוֹב וַיִּתְלַקְּטוּ אֶל־יִפְתָּח אֲנָשִׁים רֵיקִים
ד וַיֵּצְאוּ עִמּוֹ׃ וַיְהִי מִיָּמִים וַיִּלָּחֲמוּ בְנֵי־עַמּוֹן עִם־יִשְׂרָאֵל׃
ה וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־נִלְחֲמוּ בְנֵי־עַמּוֹן עִם־יִשְׂרָאֵל וַיֵּלְכוּ זִקְנֵי גִלְעָד
ו לָקַחַת אֶת־יִפְתָּח מֵאֶרֶץ טוֹב׃ וַיֹּאמְרוּ לְיִפְתָּח לְכָה
ז וְהָיִיתָה לָּנוּ לְקָצִין וְנִלָּחֲמָה בִּבְנֵי עַמּוֹן׃ וַיֹּאמֶר יִפְתָּח
לְזִקְנֵי גִלְעָד הֲלֹא אַתֶּם שְׂנֵאתֶם אוֹתִי וַתְּגָרְשׁוּנִי מִבֵּית
ח אָבִי וּמַדּוּעַ בָּאתֶם אֵלַי עַתָּה כַּאֲשֶׁר צַר לָכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ
זִקְנֵי גִלְעָד אֶל־יִפְתָּח לָכֵן עַתָּה שַׁבְנוּ אֵלֶיךָ וְהָלַכְתָּ עִמָּנוּ
וְנִלְחַמְתָּ בִּבְנֵי עַמּוֹן וְהָיִיתָ לָּנוּ לְרֹאשׁ לְכֹל יֹשְׁבֵי גִלְעָד׃
ט וַיֹּאמֶר יִפְתָּח אֶל־זִקְנֵי גִלְעָד אִם־מְשִׁיבִים אַתֶּם אוֹתִי

יא, א׳ הפטרת חקת

אֱמוֹרי, און פון די קינדער פון עַמון, און פון די פּלִשתּים? [12] אויך די צידוֹנים, און עֲמָלֵק, און מָעון, האָבן אײַך געדריקט, און איר האָט געשריען צו מיר, און איך האָב אײַך געהאָלפן פון זייער האַנט. [13] אָבער איר האָט מיך פאַרלאָזן, און איר האָט געדינט פרעמדע געטער. דרום וועל איך אײַך מער ניט העלפן. [14] גייט און שרייט צו די געטער וואָס איר האָט זיי אויסדערוויילט; זאָלן זיי אײַך העלפן אין דער צייט פון אײַער נויט.

[15] האָבן די קינדער פון ישׂראל געזאָגט צו גאָט: מיר האָבן געזינדיקט; טו דו צו אונדז אַזוי ווי אַלץ וואָס איז גוט אין דײַנע אויגן, נאָר זיי אונדז פאָרט מציל הײַנטיקן טאָג.

[16] און זיי האָבן אָפּגעטאָן די פרעמדע געטער פון צווישן זיך, און האָבן געדינט יהוה; און זײַן זעל איז באַקלעמט געוועזן פון וועגן דער מאַטערניש פון ישׂראל.

[17] און די קינדער פון עַמון האָבן זיך אײַנגעזאַמלט, און האָבן געלאַגערט אין גִלעָד; און די קינדער פון ישׂראל האָבן זיך אויפגעקליבן און האָבן געלאַגערט אין מִצפָּה. [18] האָט געזאָגט דאָס פאָלק, די האַרן פון גִלעָד, איינער צום אַנדערן: ווער איז דער מאַן וואָס וויל אָנהייבן מלחמה האַלטן אַקעגן די קינדער פון עַמון? ער זאָל ווערן פאַר אַ הויפּט איבער אַלע באַוווינער פון גִלעָד.

# יא

[1] און יִפתָּח דער גִלעָדער איז געווען אַ העלדישער גיבור, און ער איז געווען דער זון פון אַ פרוי אַ זונה; און גִלעָד האָט געבאָרן יִפתָּחן. [2] און גִלעָדס ווײַב האָט אים געבאָרן זין, און די זין פון דער ווײַב זײַנען גרויס געוואָרן, און זיי האָבן אַרויסגעטריבן יִפתָּחן, און האָבן צו אים געזאָגט: וועסט ניט ירשען אין אונדזער פאָטערס הויז, וואָרום דו ביסט דער זון פון אַן אַנדער פרוי. [3] איז יִפתָּח אַנטלאָפן פון זײַנע ברידער, און האָט זיך באַזעצט אין לאַנד טוֹב, און עס האָבן זיך אויפגעקליבן אַרום יִפתָּחן נישטיקע לײַט, און זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען מיט אים.

[4] און עס איז געווען אין טעג אַרום, האָבן די קינדער פון עַמון מלחמה געהאַלטן מיט ישׂראל. [5] איז, ווען די קינדער פון עַמון האָבן מלחמה געהאַלטן מיט ישׂראל, אַזוי זײַנען געגאַנגען די עלטסטע פון גִלעָד צו ברענגען יִפתָּחן פון לאַנד טוֹב. [6] און זיי האָבן געזאָגט צו יִפתָּחן: קום און וועסט אונדז זײַן פאַר אַ פירער, און מיר וועלן מלחמה האַלטן אַקעגן די קינדער פון עַמון. [7] האָט יִפתָּח געזאָגט צו די עלטסטע פון גִלעָד: איר האָט דאָך מיך פײַנט געהאַט, און מיך פאַרטריבן פון מײַן פאָטערס הויז, הײַנט פאַרוואָס זייט איר געקומען צו מיר אַצונד ווען אײַך האָט צוגעדריקט? [8] האָבן די עלטסטע פון גִלעָד געזאָגט צו יִפתָּחן: דרום האָבן מיר זיך אומגעקערט צו דיר אַצונד, אַז דו זאָלסט גיין מיט אונדז, און מלחמה האַלטן מיט די קינדער פון עַמון, און ווערן בײַ אונדז פאַר אַ הויפּט איבער אַלע באַוווינער פון גִלעָד. [9] האָט יִפתָּח געזאָגט צו די עלטסטע פון גִלעָד: אויב איר קערט מיך אום,

מלחמה צו האַלטן מיט די קינדער פון עַמון, און גאָט וועט זיי איבערגעבן צו מיר, זאָל איך בלײַבן בײַ אײַך פאַר אַ הויפּט. [10] האָבן די עלטסטע פון גִלעָד געזאָגט צו יִפתָחן: גאָט זאָל זײַן אַ צוהערער צווישן אונדז, אויב מיר וועלן ניט טאָן אַזוי ווי דײַן וואָרט! [11] איז יִפתָח געגאַנגען מיט די עלטסטע פון גִלעָד, און דאָס פאָלק האָט אים געמאַכט פאַר אַ הויפּט און פאַר אַ פירער איבער זיי. און יִפתָח האָט גערעדט אַלע זײַנע רייד פאַר גאָט אין מִצפָּה.

[12] און יִפתָח האָט געשיקט שלוחים צו דעם מלך פון די קינדער פון עַמון, אַזוי צו זאָגן: וואָס האָסטו צו מיר, וואָס דו ביסט געקומען צו מיר מלחמה צו האַלטן אויף מײַן לאַנד? [13] האָט דער מלך פון די קינדער פון עַמון געזאָגט צו יִפתָחס שלוחים: ווײַל ישׂראל האָט צוגענומען מײַן לאַנד, ווען ער איז אַרויפגעגאַנגען פון מִצרַיִם, פון אַרנון און ביזן יַבוק און ביזן יַרדן. און אַצונד קער זיי[א] אום אין פריד.

[14] האָט יִפתָח ווידער געשיקט שלוחים צו דעם מלך פון די קינדער פון עַמון, [15] און האָט צו אים געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יִפתָח: ישׂראל האָט ניט צוגענומען דאָס לאַנד פון מואָב, אָדער דאָס לאַנד פון די קינדער פון עַמון. [16] נײַערט אַז זיי זײַנען אַרויפגעגאַנגען פון מִצרַיִם, און ישׂראל איז געגאַנגען דורכן מדבר ביזן ים־סוף, און איז אָנגעקומען קיין קָדֵש, [17] האָט ישׂראל געשיקט שלוחים צו דעם מלך פון אֶדום, אַזוי צו זאָגן: לאָמיך, איך בעט דיך, דורכגיין דורך דײַן לאַנד. אָבער דער מלך פון אֶדום האָט ניט צוגעהערט. און אויך צו דעם מלך פון מואָב האָט ער געשיקט, אָבער ער האָט ניט אַײַנגעוויליקט; און ישׂראל איז געבליבן אין קָדֵש. [18] און ער איז געגאַנגען דורכן מדבר, און האָט געצויגן אַרום לאַנד אֶדום, און אַרום לאַנד מואָב, און ער איז געקומען פון מזרח־זײַט פון לאַנד מואָב. און זיי האָבן גערוט אויף יענער זײַט אַרנון, און זײַנען ניט געקומען אין דעם געמאַרק פון מואָב, וואָרום אַרנון איז דער געמאַרק פון מואָב. [19] און ישׂראל האָט געשיקט שלוחים צו סיחון דעם מלך פון אֱמורי, דעם מלך פון חֶשבון, און ישׂראל האָט צו אים געזאָגט: לאָז אונדז, איך בעט דיך, דורכגיין דורך דײַן לאַנד צו מײַן אָרט. [20] אָבער סיחון האָט ניט געטרויט ישׂראל דורכצוגיין דורך זײַן געמאַרק, און סיחון האָט אַײַנגעזאַמלט זײַן גאַנץ פאָלק, און זיי האָבן געלאַגערט אין יַהצָה, און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט ישׂראל. [21] און יהוה דער גאָט פון ישׂראל האָט געגעבן סיחונען און זײַן גאַנץ פאָלק אין דער האַנט פון ישׂראל, און זיי האָבן זיי געשלאָגן, און ישׂראל האָט אַײַנגענומען דאָס גאַנצע לאַנד פון אֱמורי, דעם באַוווינער פון יענעם לאַנד. [22] און זיי האָבן אַײַנגענומען דעם גאַנצן געמאַרק פון אֱמורי, פון אַרנון און ביזן יַבוק, און פון מדבר און ביזן יַרדן. [23] און אַצונד, יהוה דער גאָט פון ישׂראל האָט פאַרטריבן דעם אֱמורי פון פאַר זײַן פאָלק ישׂראל, און דו ווילסט אים ירשענען? [24] ירשעסטו ניט

לְהִלָּחֵם בִּבְנֵי עַמּוֹן וְנָתַן יְהוָה אוֹתָם לְפָנָי אָנֹכִי אֶהְיֶה
י לָכֶם לְרֹאשׁ׃ וַיֹּאמְרוּ זִקְנֵי־גִלְעָד אֶל־יִפְתָּח יְהוָה יִהְיֶה
יא שֹׁמֵעַ בֵּינוֹתֵינוּ אִם־לֹא כִדְבָרְךָ כֵּן נַעֲשֶׂה׃ וַיֵּלֶךְ יִפְתָּח
עִם־זִקְנֵי גִלְעָד וַיָּשִׂימוּ הָעָם אוֹתוֹ עֲלֵיהֶם לְרֹאשׁ וּלְקָצִין
וַיְדַבֵּר יִפְתָּח אֶת־כָּל־דְּבָרָיו לִפְנֵי יְהוָה בַּמִּצְפָּה׃
יב וַיִּשְׁלַח יִפְתָּח מַלְאָכִים אֶל־מֶלֶךְ בְּנֵי־עַמּוֹן לֵאמֹר מַה־לִּי
יג וָלָךְ כִּי־בָאתָ אֵלַי לְהִלָּחֵם בְּאַרְצִי׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ בְּנֵי
עַמּוֹן אֶל־מַלְאֲכֵי יִפְתָּח כִּי־לָקַח יִשְׂרָאֵל אֶת־אַרְצִי בַּעֲלוֹתוֹ
מִמִּצְרַיִם מֵאַרְנוֹן וְעַד־הַיַּבֹּק וְעַד־הַיַּרְדֵּן וְעַתָּה הָשִׁיבָה
יד אֶתְהֶן בְּשָׁלוֹם׃ וַיּוֹסֶף עוֹד יִפְתָּח וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֶל־
טו מֶלֶךְ בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה אָמַר יִפְתָּח לֹא־לָקַח
טז יִשְׂרָאֵל אֶת־אֶרֶץ מוֹאָב וְאֶת־אֶרֶץ בְּנֵי עַמּוֹן׃ כִּי בַּעֲלוֹתָם
מִמִּצְרָיִם וַיֵּלֶךְ יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר עַד־יַם־סוּף וַיָּבֹא קָדֵשָׁה׃
יז וַיִּשְׁלַח יִשְׂרָאֵל מַלְאָכִים ׀ אֶל־מֶלֶךְ אֱדוֹם לֵאמֹר אֶעְבְּרָה־
נָּא בְאַרְצֶךָ וְלֹא שָׁמַע מֶלֶךְ אֱדוֹם וְגַם אֶל־מֶלֶךְ מוֹאָב
יח שָׁלַח וְלֹא אָבָה וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּקָדֵשׁ׃ וַיֵּלֶךְ בַּמִּדְבָּר
וַיָּסָב אֶת־אֶרֶץ אֱדוֹם וְאֶת־אֶרֶץ מוֹאָב וַיָּבֹא מִמִּזְרַח־שֶׁמֶשׁ
לְאֶרֶץ מוֹאָב וַיַּחֲנוּן בְּעֵבֶר אַרְנוֹן וְלֹא־בָאוּ בִּגְבוּל מוֹאָב
יט כִּי אַרְנוֹן גְּבוּל מוֹאָב׃ וַיִּשְׁלַח יִשְׂרָאֵל מַלְאָכִים אֶל־
סִיחוֹן מֶלֶךְ־הָאֱמֹרִי מֶלֶךְ חֶשְׁבּוֹן וַיֹּאמֶר לוֹ יִשְׂרָאֵל
כ נַעְבְּרָה־נָּא בְאַרְצְךָ עַד־מְקוֹמִי׃ וְלֹא־הֶאֱמִין סִיחוֹן אֶת־
יִשְׂרָאֵל עֲבֹר בִּגְבֻלוֹ וַיֶּאֱסֹף סִיחוֹן אֶת־כָּל־עַמּוֹ וַיַּחֲנוּ
כא בְּיָהְצָה וַיִּלָּחֶם עִם־יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּתֵּן יְהוָה אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל
אֶת־סִיחוֹן וְאֶת־כָּל־עַמּוֹ בְּיַד יִשְׂרָאֵל וַיַּכּוּם וַיִּירַשׁ יִשְׂרָאֵל
כב אֵת כָּל־אֶרֶץ הָאֱמֹרִי יוֹשֵׁב הָאָרֶץ הַהִיא׃ וַיִּירְשׁוּ אֵת
כָּל־גְּבוּל הָאֱמֹרִי מֵאַרְנוֹן וְעַד־הַיַּבֹּק וּמִן־הַמִּדְבָּר וְעַד־
כג הַיַּרְדֵּן׃ וְעַתָּה ׀ יְהוָה ׀ אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הוֹרִישׁ אֶת־הָאֱמֹרִי
כד מִפְּנֵי עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל וְאַתָּה תִּירָשֶׁנּוּ׃ הֲלֹא אֵת אֲשֶׁר יוֹרִישְׁךָ

טז׳ סבירין ויאמר

[א] די אוועקגענומענע שטעט.

כְּמ֣וֹשׁ אֱלֹהֶ֔יךָ אוֹת֖וֹ תִירָ֑שׁ וְאֵת֩ כָּל־אֲשֶׁ֨ר הוֹרִ֜ישׁ יְהוָ֧ה
אֱלֹהֵ֛ינוּ מִפָּנֵ֖ינוּ אוֹת֥וֹ נִירָֽשׁ׃ וְעַתָּ֗ה הֲט֥וֹב טוֹב֙ אַתָּ֔ה כה
מִבָּלָ֥ק בֶּן־צִפּ֖וֹר מֶ֣לֶךְ מוֹאָ֑ב הֲר֥וֹב רָב֙ עִם־יִשְׂרָאֵ֔ל אִם־
נִלְחֹ֥ם נִלְחַ֖ם בָּֽם׃ בְּשֶׁ֣בֶת יִ֠שְׂרָאֵל בְּחֶשְׁבּ֨וֹן וּבִבְנוֹתֶ֜יהָ כו
וּבְעַרְע֣וֹר וּבִבְנוֹתֶ֗יהָ וּֽבְכָל־הֶֽעָרִים֙ אֲשֶׁר֙ עַל־יְדֵ֣י אַרְנ֔וֹן
שְׁל֥שׁ מֵא֖וֹת שָׁנָ֑ה וּמַדּ֥וּעַ לֹֽא־הִצַּלְתֶּ֖ם בָּעֵ֥ת הַהִֽיא׃ וְאָֽנֹכִי֙ כז
לֹא־חָטָ֣אתִי לָ֔ךְ וְאַתָּ֞ה עֹשֶׂ֥ה אִתִּ֛י רָעָ֖ה לְהִלָּ֣חֶם בִּ֑י יִשְׁפֹּ֨ט
יְהוָ֤ה הַשֹּׁפֵט֙ הַיּ֔וֹם בֵּ֚ין בְּנֵ֣י יִשְׂרָאֵ֔ל וּבֵ֖ין בְּנֵ֥י עַמּֽוֹן׃ וְלֹ֣א כח
שָׁמַ֔ע מֶ֖לֶךְ בְּנֵ֣י עַמּ֑וֹן אֶל־דִּבְרֵ֣י יִפְתָּ֔ח אֲשֶׁ֖ר שָׁלַ֥ח אֵלָֽיו׃
וַתְּהִ֤י עַל־יִפְתָּח֙ ר֣וּחַ יְהוָ֔ה וַיַּעֲבֹ֥ר אֶת־הַגִּלְעָ֖ד וְאֶת־ כט
מְנַשֶּׁ֑ה וַֽיַּעֲבֹר֙ אֶת־מִצְפֵּ֣ה גִלְעָ֔ד וּמִמִּצְפֵּ֣ה גִלְעָ֔ד עָבַ֖ר בְּנֵ֥י
עַמּֽוֹן׃ וַיִּדַּ֨ר יִפְתָּ֥ח נֶ֛דֶר לַיהוָ֖ה וַיֹּאמַ֑ר אִם־נָת֥וֹן תִּתֵּ֛ן אֶת־ ל
בְּנֵ֥י עַמּ֖וֹן בְּיָדִֽי׃ וְהָיָ֣ה הַיּוֹצֵ֗א אֲשֶׁ֨ר יֵצֵ֜א מִדַּלְתֵ֤י בֵיתִי֙ לא
לִקְרָאתִ֔י בְּשׁוּבִ֥י בְשָׁל֖וֹם מִבְּנֵ֣י עַמּ֑וֹן וְהָיָה֙ לַֽיהוָ֔ה
וְהַעֲלִיתִ֖הוּ עוֹלָֽה׃ וַיַּעֲבֹ֥ר יִפְתָּ֛ח אֶל־בְּנֵ֥י עַמּ֖וֹן לְהִלָּ֣חֶם לב
בָּ֑ם וַיִּתְּנֵ֥ם יְהוָ֖ה בְּיָדֽוֹ׃ וַיַּכֵּ֡ם מֵעֲרוֹעֵ֡ר וְעַד־בּוֹאֲךָ֩ מִנִּ֨ית לג
עֶשְׂרִ֜ים עִ֗יר וְעַד֙ אָבֵ֣ל כְּרָמִ֔ים מַכָּ֖ה גְּדוֹלָ֣ה מְאֹ֑ד וַיִּכָּֽנְעוּ֙
בְּנֵ֣י עַמּ֔וֹן מִפְּנֵ֖י בְּנֵ֥י יִשְׂרָאֵֽל׃ * וַיָּבֹ֨א יִפְתָּ֣ח הַמִּצְפָּה֮ לד
אֶל־בֵּיתוֹ֒ וְהִנֵּ֥ה בִתּ֛וֹ יֹצֵ֥את לִקְרָאת֖וֹ בְּתֻפִּ֣ים וּבִמְחֹל֑וֹת
וְרַק֙ הִ֣יא יְחִידָ֔ה אֵֽין־ל֥וֹ מִמֶּ֛נּוּ בֵּ֥ן אוֹ־בַֽת׃ וַיְהִי֩ כִרְאוֹת֨וֹ לה
אוֹתָ֜הּ וַיִּקְרַ֣ע אֶת־בְּגָדָ֗יו וַיֹּ֙אמֶר֙ אֲהָ֤הּ בִּתִּי֙ הַכְרֵ֣עַ הִכְרַעְתִּ֔נִי
וְאַ֖תְּ הָיִ֣ית בְּעֹֽכְרָ֑י וְאָנֹכִ֗י פָּצִ֤יתִי פִי֙ אֶל־יְהוָ֔ה וְלֹ֥א אוּכַ֖ל
לָשֽׁוּב׃ וַתֹּ֣אמֶר אֵלָ֗יו אָבִי֙ פָּצִ֤יתָה אֶת־פִּ֙יךָ֙ אֶל־יְהוָ֔ה לו
עֲשֵׂ֣ה לִ֔י כַּאֲשֶׁ֖ר יָצָ֣א מִפִּ֑יךָ אַחֲרֵ֡י אֲשֶׁר֩ עָשָׂ֨ה לְךָ֧ יְהוָ֛ה
נְקָמ֥וֹת מֵאֹיְבֶ֖יךָ מִבְּנֵ֥י עַמּֽוֹן׃ וַתֹּ֙אמֶר֙ אֶל־אָבִ֔יהָ יֵעָ֥שֶׂה לז
לִּ֖י הַדָּבָ֣ר הַזֶּ֑ה הַרְפֵּ֨ה מִמֶּ֜נִּי שְׁנַ֣יִם חֳדָשִׁ֗ים וְאֵֽלְכָה֙ וְיָרַדְתִּ֣י
עַל־הֶהָרִ֔ים וְאֶבְכֶּה֙ עַל־בְּתוּלַ֔י אָנֹכִ֖י וְרֵעֹיתָֽי׃ וַיֹּ֣אמֶר לְכִ֔י לח

לג׳ ע״ב ‏ לד׳ סבירין ממנה ‏ לז׳ ורעותי קרי

דאָס וואָס כּמוש דיין גאָט גיט דיר צו ירשען? און אַלע וואָס יהוה אונדזער גאָט האָט פאַרטריבן פון פאַר אונדז, זיי וועלן מיר ירשען. 25 און אַצונד, ביסט דו דען עפּעס בעסער פון בָּלָק דעם זון פון צִפּורן, דעם מלך פון מואָב? האָט ער דען שטרייטן געשטריטן מיט ישראל? צי האָט ער מלחמה אויף זיי מלחמה געהאַלטן? 26 אַז ישראל איז געזעסן אין חֶשבּוֹן און אין אירע טעכטערשטעט, און אין עַרְעוֹר און אין אירע טעכטערשטעט, און אין אַלע שטעט וואָס ביי די זייטן פון אַרנון, דריי הונדערט יאָר, טאָ פאַרוואָס האָט איר זיי ניט אָפּגענומען אין יענער צייט? 27 האָב איך דאָך אַקעגן דיר ניט געזינדיקט, און דו טוסט מיט מיר בייז, מלחמה צו האַלטן אויף מיר. זאָל גאָט דער משפּטער משפּטן היינט צווישן די קינדער פון ישראל און צווישן די קינדער פון עַמון.

28 אָבער דער מלך פון די קינדער פון עַמון האָט ניט צוגעהערט צו די ווערטער פון יִפתָּחן, וואָס ער האָט צו אים געשיקט. 29 און אַ גייסט פון גאָט איז געווען אויף יִפתָּחן, און ער איז דורכגעגאַנגען גִלעָד און מנשה, און דורכגעגאַנגען מִצפֵּה־גִלעָד, און פון מִצפֵּה־גִלעָד איז ער אַריבער צו די קינדער פון עַמון.

30 און יִפתָּח האָט אַ נדר געטאָן צו גאָט, און האָט געזאָגט: אויב געבן וועסטו געבן די קינדער פון עַמון אין מיין האַנט, 31 איז, דער אַרויסגייער וואָס וועט אַרויסגיין פון די טירן פון מיין הויז מיר אַנטקעגן, ווען איך קער זיך אום בשלום פון די קינדער פון עַמון, זאָל געהערן צו גאָט, און איך וועל אים אויפברענגען פאַר אַ בראַנדאָפּפער.

32 און יִפתָּח איז אַריבער צו די קינדער פון עַמון, מלחמה צו האַלטן מיט זיי, און גאָט האָט זיי געגעבן אין זיין האַנט. 33 און ער האָט זיי געשלאָגן פון עֲרוֹעֵר און ביז דו קומסט קיין מִנִית, צוואַנציק שטעט, און ביז אָבֵל־כּרָמים, זייער אַ גרויסן שלאַק. און די קינדער פון עַמון זיינען אונטערטעניק געוואָרן פאַר די קינדער פון ישראל.

34 און ווי יִפתָּח איז אָנגעקומען קיין מִצפָּה צו זיין הויז, ערשט זיין טאָכטער גייט אַרויס אים אַנטקעגן מיט פּויקן און מיט טענץ; און זי איז געווען בלויז אַן אײנאײנציקע, ער האָט אַחוץ איר ניט געהאַט קיין זון און קיין טאָכטער. 35 און עס איז געווען, ווי ער האָט זי דערזען, אַזוי האָט ער צעריסן זיינע קליידער, און האָט געזאָגט: ווי מיין טאָכטער, ביינגן אַנידערגעבויגן האָסטו מיך, און דו ביסט פון מיינע פאַראומגליקער געוואָרן; וואָרום איך האָב געעפנט מיין מויל צו גאָט, און קען ניט צוריקציען. 36 האָט זי צו אים געזאָגט: פאָטער מיינער, האָסט געעפנט דיין מויל צו גאָט; טו צו מיר, אַזוי ווי עס איז אַרויס פון דיין מויל, נאָכדעם אַז גאָט האָט דיר געגעבן אַ נקמה אָן דיינע פיינט, אָן די קינדער פון עַמון. 37 און זי האָט געזאָגט צו איר פאָטער: זאָל מיר געטאָן ווערן דידאָזיקע זאַך: לאָז מיך אָפּ אויף צוויי חדשים: און איך וועל גיין און וועל נידערן אויף די בערג, און וועל וויינען אויף מיין יונגפרוישאַפט, איך און מיינע חברטעס. 38 האָט ער געזאָגט: גיי.

וַיְשַׁלַּח אוֹתָהּ שְׁנֵי חֳדָשִׁים וַתֵּלֶךְ הִיא וְרֵעוֹתֶיהָ וַתֵּבְךְּ
לט עַל־בְּתוּלֶיהָ עַל־הֶהָרִים׃ וַיְהִי מִקֵּץ ׀ שְׁנַיִם חֳדָשִׁים
וַתָּשָׁב אֶל־אָבִיהָ וַיַּעַשׂ לָהּ אֶת־נִדְרוֹ אֲשֶׁר נָדָר וְהִיא
מ לֹא־יָדְעָה אִישׁ וַתְּהִי־חֹק בְּיִשְׂרָאֵל׃ מִיָּמִים ׀ יָמִימָה
תֵּלַכְנָה בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל לְתַנּוֹת לְבַת־יִפְתָּח הַגִּלְעָדִי אַרְבַּעַת
יָמִים בַּשָּׁנָה׃

יב

א וַיִּצָּעֵק אִישׁ אֶפְרַיִם וַיַּעֲבֹר צָפוֹנָה וַיֹּאמְרוּ לְיִפְתָּח מַדּוּעַ ׀
עָבַרְתָּ ׀ לְהִלָּחֵם בִּבְנֵי־עַמּוֹן וְלָנוּ לֹא קָרָאתָ לָלֶכֶת עִמָּךְ
ב בֵּיתְךָ נִשְׂרֹף עָלֶיךָ בָּאֵשׁ׃ וַיֹּאמֶר יִפְתָּח אֲלֵיהֶם אִישׁ רִיב
הָיִיתִי אֲנִי וְעַמִּי וּבְנֵי־עַמּוֹן מְאֹד וָאֶזְעַק* אֶתְכֶם וְלֹא־הוֹשַׁעְתֶּם
ג אוֹתִי מִיָּדָם׃ וָאֶרְאֶה כִּי־אֵינְךָ מוֹשִׁיעַ וָאָשִׂימָה* נַפְשִׁי
בְכַפִּי וָאֶעְבְּרָה אֶל־בְּנֵי עַמּוֹן וַיִּתְּנֵם יְהוָה בְּיָדִי וְלָמָה
ד עֲלִיתֶם אֵלַי הַיּוֹם הַזֶּה לְהִלָּחֶם בִּי׃ וַיִּקְבֹּץ יִפְתָּח אֶת־
כָּל־אַנְשֵׁי גִלְעָד וַיִּלָּחֶם אֶת־אֶפְרָיִם וַיַּכּוּ אַנְשֵׁי גִלְעָד אֶת־
אֶפְרַיִם כִּי אָמְרוּ פְּלִיטֵי אֶפְרַיִם אַתֶּם גִּלְעָד בְּתוֹךְ אֶפְרַיִם
ה בְּתוֹךְ מְנַשֶּׁה׃ וַיִּלְכֹּד גִּלְעָד אֶת־מַעְבְּרוֹת הַיַּרְדֵּן לְאֶפְרָיִם
וְהָיָה כִּי יֹאמְרוּ פְּלִיטֵי אֶפְרַיִם אֶעֱבֹרָה וַיֹּאמְרוּ לוֹ אַנְשֵׁי־
ו גִלְעָד הַאֶפְרָתִי אַתָּה וַיֹּאמֶר ׀ לֹא׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ אֱמָר־נָא
שִׁבֹּלֶת וַיֹּאמֶר סִבֹּלֶת וְלֹא יָכִין לְדַבֵּר כֵּן וַיֹּאחֲזוּ אוֹתוֹ
וַיִּשְׁחָטוּהוּ אֶל־מַעְבְּרוֹת הַיַּרְדֵּן וַיִּפֹּל בָּעֵת הַהִיא מֵאֶפְרַיִם
ז אַרְבָּעִים וּשְׁנַיִם אָלֶף׃ וַיִּשְׁפֹּט יִפְתָּח אֶת־יִשְׂרָאֵל שֵׁשׁ
שָׁנִים וַיָּמָת יִפְתָּח הַגִּלְעָדִי וַיִּקָּבֵר בְּעָרֵי גִלְעָד׃
ח ט וַיִּשְׁפֹּט אַחֲרָיו אֶת־יִשְׂרָאֵל אִבְצָן מִבֵּית לָחֶם׃ וַיְהִי־לוֹ
שְׁלֹשִׁים בָּנִים וּשְׁלֹשִׁים בָּנוֹת שִׁלַּח הַחוּצָה וּשְׁלֹשִׁים
בָּנוֹת הֵבִיא לְבָנָיו מִן־הַחוּץ וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל שֶׁבַע
י יא שָׁנִים׃ וַיָּמָת אִבְצָן וַיִּקָּבֵר בְּבֵית לָחֶם׃ וַיִּשְׁפֹּט אַחֲרָיו

יב, ב׳ ס״א ואצעק   ג׳ ואשימה כתיב וקרי

און ער האָט זי אַוועקגעשיקט אויף צוויי חדשים. און זי איז געגאַנגען, זי און אירע חברטעס, און זי האָט געוויינט אויף איר יונגפרוישאַפט, אויף די בערג. 39 און עס איז געווען צום סוף פון צוויי חדשים, האָט זי זיך אומגעקערט צו איר פאָטער, און ער האָט געטאָן צו איר זיין נדר וואָס ער האָט אַ נדר געטאָן. און זי האָט פון קיין מאַן ניט געוווּסט.

40 און עס איז געוואָרן אַ מנהג אין ישראל: פון יאָר צו יאָר גייען די טעכטער פון ישראל קלאָגן אויף דער טאָכטער פון יִפְתָּח דעם גִלעָדער פיר טעג אין יאָר.

יב 1 און די מענער פון אפרים האָבן זיך איינגע־זאַמלט, און זיי זיינען אַריבער קיין צפון, און האָבן געזאָגט צו יִפְתָּחן: פאַרוואָס ביסטו אַריבערגע־גאַנגען מלחמה צו האַלטן מיט די קינדער פון עמון, און אונדז האָסטו ניט גערופן צו גיין מיט דיר? דיין הויז וועלן מיר פאַרברענען איבער דיר אין פייער. 2 האָט יִפְתָּח צו זיי געזאָגט: אין גרויס שטרייט בין איך געווען, איך און מיין פאָלק, מיט די קינדער פון עמון, און איך האָב אייך גערופן, און איר האָט מיך ניט געהאָלפן פון זייער האַנט. 3 האָב איך געזען אַז איר העלפט ניט, און איך האָב גע־נומען מיין לעבן אין מיין האַנט, און בין אַריבער צו די קינדער פון עמון, און גאָט האָט זיי געגעבן אין מיין האַנט; און פאַרוואָס זייט איר אַרויפגעקומען צו מיר היינטיקן טאָג מלחמה צו האַלטן מיט מיר?

4 און יִפְתָּח האָט איינגעזאַמלט אַלע מענער פון גִלעָד, און האָט מלחמה געהאַלטן מיט אפרים, און די מענער פון גִלעָד האָבן געשלאָגן אפרים, ווייל זיי האָבן געזאָגט: אויסוואורפן פון אפרים זייט איר, גִלעָד, צווישן אפרים, צווישן מנשה. 5 און גִלעָד האָט פאַרכאַפּט די איבער־פאָרן פון יַרדן פאַר אפרים, און עס איז געווען, אַז אַן אַנטרונענער פון אפרים האָט געזאָגט: איך וויל אַריבערגיין, אַזוי האָבן די מענער פון גִלעָד צו אים געזאָגט: ביסטו אַן אפרַיִמער? און אַז ער האָט געזאָגט: ניין, 6 האָבן זיי צו אים גע־זאָגט: זאָג אַקאָרשט שִבּוֹלֶתא, און אַז ער האָט געזאָגט סִבּוֹלֶת, ווייל ער האָט ניט געקענט אַרויסרעדן ריכטיק, אַזוי האָבן זיי אים אָנגענומען און אים געשאָכטן ביי די איבערפאָרן פון יַרדן. און עס זיינען געפאַלן אין יענער צייט פון אפרים צוויי און פערציק טויזנט.

7 און יִפְתָּח האָט געמשפּט ישראל זעקס יאָר. און יִפְתָּח דער גִלעָדער איז געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין [איינער פון] די שטעט פון גִלעָד.

8 און נאָך אים האָט געמשפּט ישראל אִבְצָן פון בֵּית־לֶחֶם. 9 און ער האָט געהאַט דרייסיק זין; און דרייסיק טעכטער האָט ער אויסגעגעבן, און דרייסיק טעכטער האָט ער אַריינגענומען פאַר זיינע זין פון דערויסן. און ער האָט געמשפּט ישראל זיבן יאָר. 10 און אִבְצָן איז געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין בֵּית־לֶחֶם.

11 און נאָך אים האָט געמשפּט ישראל אֵילוֹן דער זבולונער. און ער האָט געמשפּט ישראל צען יאָר. 12 און אֵילוֹן דער זבולונער איז געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין אַיָלוֹן אין לאַנד זבולון.

א שטראָם.

אֶת־יִשְׂרָאֵל אֵילוֹן הַזְּבוּלֹנִי וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל עֶשֶׂר
שָׁנִים׃ וַיָּמָת אֵילוֹן הַזְּבוּלֹנִי וַיִּקָּבֵר בְּאַיָּלוֹן בְּאֶרֶץ זְבוּלֻן׃ יב
וַיִּשְׁפֹּט אַחֲרָיו אֶת־יִשְׂרָאֵל עַבְדּוֹן בֶּן־הִלֵּל הַפִּרְעָתוֹנִי׃ יג
וַיְהִי־לוֹ אַרְבָּעִים בָּנִים וּשְׁלֹשִׁים בְּנֵי בָנִים רֹכְבִים עַל־ יד
שִׁבְעִים עֲיָרִם וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל שְׁמֹנֶה שָׁנִים׃ וַיָּמָת טו
עַבְדּוֹן בֶּן־הִלֵּל הַפִּרְעָתוֹנִי וַיִּקָּבֵר בְּפִרְעָתוֹן בְּאֶרֶץ אֶפְרַיִם
בְּהַר הָעֲמָלֵקִי׃

יג

וַיֹּסִפוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיִּתְּנֵם יְהוָה א
בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים אַרְבָּעִים שָׁנָה׃ * וַיְהִי אִישׁ אֶחָד מִצָּרְעָה ב
מִמִּשְׁפַּחַת הַדָּנִי וּשְׁמוֹ מָנוֹחַ וְאִשְׁתּוֹ עֲקָרָה וְלֹא יָלָדָה׃
וַיֵּרָא מַלְאַךְ־יְהוָה אֶל־הָאִשָּׁה וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ הִנֵּה־נָא אַתְּ־ ג
עֲקָרָה וְלֹא יָלַדְתְּ וְהָרִית וְיָלַדְתְּ בֵּן׃ וְעַתָּה הִשָּׁמְרִי נָא ד
וְאַל־תִּשְׁתִּי יַיִן וְשֵׁכָר וְאַל־תֹּאכְלִי כָּל־טָמֵא׃ כִּי הִנָּךְ ה
הָרָה וְיֹלַדְתְּ בֵּן וּמוֹרָה לֹא־יַעֲלֶה עַל־רֹאשׁוֹ כִּי־נְזִיר
אֱלֹהִים יִהְיֶה הַנַּעַר מִן־הַבָּטֶן וְהוּא יָחֵל לְהוֹשִׁיעַ אֶת־
יִשְׂרָאֵל מִיַּד פְּלִשְׁתִּים׃ וַתָּבֹא הָאִשָּׁה וַתֹּאמֶר לְאִישָׁהּ ו
לֵאמֹר אִישׁ הָאֱלֹהִים בָּא אֵלַי וּמַרְאֵהוּ כְּמַרְאֵה מַלְאַךְ
הָאֱלֹהִים נוֹרָא מְאֹד וְלֹא שְׁאִלְתִּיהוּ אֵי־מִזֶּה הוּא וְאֶת־שְׁמוֹ
לֹא־הִגִּיד לִי׃ וַיֹּאמֶר לִי הִנָּךְ הָרָה וְיֹלַדְתְּ בֵּן וְעַתָּה אַל־ ז
תִּשְׁתִּי ׀ יַיִן וְשֵׁכָר וְאַל־תֹּאכְלִי כָּל־טֻמְאָה כִּי־נְזִיר אֱלֹהִים
יִהְיֶה הַנַּעַר מִן־הַבֶּטֶן עַד־יוֹם מוֹתוֹ׃ וַיֶּעְתַּר מָנוֹחַ אֶל־ ח
יְהוָה וַיֹּאמַר בִּי אֲדוֹנָי אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר שָׁלַחְתָּ יָבוֹא־
נָא עוֹד אֵלֵינוּ וְיוֹרֵנוּ מַה־נַּעֲשֶׂה לַנַּעַר הַיּוּלָּד׃ וַיִּשְׁמַע ט
הָאֱלֹהִים בְּקוֹל מָנוֹחַ וַיָּבֹא מַלְאַךְ הָאֱלֹהִים עוֹד אֶל־
הָאִשָּׁה וְהִיא יוֹשֶׁבֶת בַּשָּׂדֶה וּמָנוֹחַ אִישָׁהּ אֵין עִמָּהּ׃
וַתְּמַהֵר הָאִשָּׁה וַתָּרָץ וַתַּגֵּד לְאִישָׁהּ וַתֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה י

יג,ב׳ הפטרת נשא ת׳ מלא ו׳ שורק ת׳ קבוץ

[13] און נאָך אים האָט געמשפּט ישׂראל עַבדון דער זון פֿון הִלֵלן פֿון פּרעָתון. [14] און ער האָט געהאַט פֿערציק זין און דרײַסיק אייניקלעך, וואָס זײַנען געריטן אויף זיבעציק יונגע אייזלען. און ער האָט געמשפּט ישׂראל אַכט יאָר. [15] און עַבדון דער זון פֿון הִלֵלן פֿון פּרעָתון איז געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין פּרעָתון אין לאַנד אפֿרים, אויפֿן באַרג פֿון עַמָלֵק.

## יג

[1] און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן ווידער געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט, און גאָט האָט זיי געגעבן אין דער האַנט פֿון די פּלִשתּים פֿערציק יאָר.

[2] און עס איז געווען אַ מאַן פֿון צָרעָה, פֿון דער משפּחה פֿון דָן, וואָס זײַן נאָמען איז געווען מָנוֹחַ; און זײַן ווײַב איז געווען אַן עקרה, און האָט ניט געבאָרן. [3] האָט אַ מלאך פֿון גאָט זיך באַוויזן צו דער פֿרוי, און האָט צו איר געזאָגט: זע נאָר, דו ביסט אַן עקרה, און האָסט ניט געבאָרן; אָבער וועסט טראָגעדיק ווערן, און וועסט געבערן אַ זון. [4] און אַצונד, היט זיך אַקאָרשט, און זאָלסט ניט טרינקען ווײַן אָדער שטאַרק געטראַנק, און ניט עסן קיין אומרײנס. [5] וואָרום זע, דו ווערסט טראָגעדיק, און געבערסט אַ זון; און אַ שערמעסער זאָל ניט אַרויפֿגיין אויף זײַן קאָפּ, וואָרום אַ נזיר פֿון גאָט זאָל דער ייִנגל זײַן פֿון מוטערלײַב אָן; און ער וועט אָנהייבן העלפֿן ישׂראל פֿון דער האַנט פֿון די פּלִשתּים.

[6] און די פֿרוי איז געקומען, און האָט געזאָגט צו איר מאַן, אַזוי צו זאָגן: אַ געטלעכער מאַן איז געקומען צו מיר, און זײַן אויסזען איז געווען אַזוי ווי דאָס אויסזען פֿון אַ מלאך פֿון גאָט, מוראדיק זייער; און ניט איך האָב אים געפֿרעגט פֿון וואַנען ער איז, און ניט ער האָט מיר געזאָגט זײַן נאָמען. [7] אָבער ער האָט צו מיר געזאָגט: זע, דו ווערסט טראָגעדיק, און געבערסט אַ זון; און אַצונד, זאָלסטו ניט טרינקען ווײַן אָדער שטאַרק געטראַנק, און ניט עסן קיין אומרײנקייט, וואָרום אַ נזיר פֿון גאָט זאָל דער ייִנגל זײַן פֿון מוטערלײַב אָן ביז דעם טאָג פֿון זײַן טויט.

[8] האָט מָנוֹחַ מתפּלל געווען צו גאָט, און האָט געזאָגט: איך בעט דיך, גאָט, זאָל דער געטלעכער מאַן, וואָס דו האָסט געשיקט, ווידער קומען צו אונדז, און אונדז לערנען וואָס מיר זאָלן טאָן צו דעם ייִנגל וואָס וועט געבאָרן ווערן.

[9] און גאָט האָט צוגעהערט צו דעם קָול פֿון מָנוֹחַן, און דער מלאך פֿון גאָט איז ווידער געקומען צו דער פֿרוי, ווען זי איז געזעסן אין פֿעלד; און מָנוֹחַ איר מאַן איז ניט געווען לעבן איר. [10] האָט די פֿרוי געאײַלט און איז געלאָפֿן, און האָט

יא נִרְאָה אֵלַי הָאִישׁ אֲשֶׁר־בָּא בַיּוֹם אֵלָי׃ וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ מָנוֹחַ
אַחֲרֵי אִשְׁתּוֹ וַיָּבֹא אֶל־הָאִישׁ וַיֹּאמֶר לוֹ הַאַתָּה הָאִישׁ
יב אֲשֶׁר־דִּבַּרְתָּ אֶל־הָאִשָּׁה וַיֹּאמֶר אָנִי׃ וַיֹּאמֶר מָנוֹחַ עַתָּה
יג יָבֹא דְבָרֶיךָ מַה־יִּהְיֶה מִשְׁפַּט הַנַּעַר וּמַעֲשֵׂהוּ׃ וַיֹּאמֶר
מַלְאַךְ יְהוָה אֶל־מָנוֹחַ מִכֹּל אֲשֶׁר־אָמַרְתִּי אֶל־הָאִשָּׁה
יד תִּשָּׁמֵר׃ מִכֹּל אֲשֶׁר־יֵצֵא מִגֶּפֶן הַיַּיִן לֹא תֹאכַל וְיַיִן וְשֵׁכָר
אַל־תֵּשְׁתְּ וְכָל־טֻמְאָה אַל־תֹּאכַל כֹּל אֲשֶׁר־צִוִּיתִיהָ
טו תִּשְׁמֹר׃ וַיֹּאמֶר מָנוֹחַ אֶל־מַלְאַךְ יְהוָה נַעְצְרָה־נָּא אוֹתָךְ
טז וְנַעֲשֶׂה לְפָנֶיךָ גְּדִי עִזִּים׃ וַיֹּאמֶר מַלְאַךְ יְהוָה אֶל־מָנוֹחַ
אִם־תַּעְצְרֵנִי לֹא־אֹכַל בְּלַחְמֶךָ וְאִם־תַּעֲשֶׂה עֹלָה לַיהוָה
יז תַּעֲלֶנָּה כִּי לֹא־יָדַע מָנוֹחַ כִּי־מַלְאַךְ יְהוָה הוּא׃ וַיֹּאמֶר
מָנוֹחַ אֶל־מַלְאַךְ יְהוָה מִי שְׁמֶךָ כִּי־יָבֹא דְבָרְיךָ וְכִבַּדְנוּךָ׃
יח וַיֹּאמֶר לוֹ מַלְאַךְ יְהוָה לָמָּה זֶּה תִּשְׁאַל לִשְׁמִי וְהוּא פֶלִאי׃
יט וַיִּקַּח מָנוֹחַ אֶת־גְּדִי הָעִזִּים וְאֶת־הַמִּנְחָה וַיַּעַל עַל־הַצּוּר
כ לַיהוָה וּמַפְלִא לַעֲשׂוֹת וּמָנוֹחַ וְאִשְׁתּוֹ רֹאִים׃ וַיְהִי בַעֲלוֹת
הַלַּהַב מֵעַל הַמִּזְבֵּחַ הַשָּׁמַיְמָה וַיַּעַל מַלְאַךְ־יְהוָה בְּלַהַב
הַמִּזְבֵּחַ וּמָנוֹחַ וְאִשְׁתּוֹ רֹאִים וַיִּפְּלוּ עַל־פְּנֵיהֶם אָרְצָה׃
כא וְלֹא־יָסַף עוֹד מַלְאַךְ יְהוָה לְהֵרָאֹה אֶל־מָנוֹחַ וְאֶל־אִשְׁתּוֹ
כב אָז יָדַע מָנוֹחַ כִּי־מַלְאַךְ יְהוָה הוּא׃ וַיֹּאמֶר מָנוֹחַ אֶל־
כג אִשְׁתּוֹ מוֹת נָמוּת כִּי אֱלֹהִים רָאִינוּ׃ וַתֹּאמֶר לוֹ אִשְׁתּוֹ
לוּ חָפֵץ יְהוָה לַהֲמִיתֵנוּ לֹא־לָקַח מִיָּדֵנוּ עֹלָה וּמִנְחָה
כד וְלֹא הֶרְאָנוּ אֶת־כָּל־אֵלֶּה וְכָעֵת לֹא הִשְׁמִיעָנוּ כָּזֹאת׃ וַתֵּלֶד
הָאִשָּׁה בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ שִׁמְשׁוֹן וַיִּגְדַּל הַנַּעַר וַיְבָרְכֵהוּ
כה יְהוָה׃ וַתָּחֶל רוּחַ יְהוָה לְפַעֲמוֹ בְּמַחֲנֵה־דָן בֵּין צָרְעָה
וּבֵין אֶשְׁתָּאֹל׃ *

יד

א וַיֵּרֶד שִׁמְשׁוֹן תִּמְנָתָה וַיַּרְא אִשָּׁה בְּתִמְנָתָה מִבְּנוֹת

יג,יב׳ סבירין יבאו  יז׳ יתיר י  יח׳ יתיר א  כמ׳ ע״כ

דערציילט איר מאַן, און האָט צו אים געזאָגט: אָן האָט זיך באַוויזן צו מיר דער מאַן וואָס איז געקומען צו מיר אין יענעם טאָג. [11] איז מָנוֹחַ אויפגעשטאַנען, און איז גע־גאַנגען נאָך זיין ווייב, און ער איז געקומען צו דעם מאַן, און האָט צו אים געזאָגט: ביסט דו דער מאַן וואָס האָט גערעדט צו דער פרוי? האָט ער געזאָגט: איך. [12] האָט מָנוֹחַ געזאָגט: אַצונד אַז דיין וואָרט וועט אָנקומען, וואָס זאָל זיין דער שטייגער מיטן יינגל, און וואָס טאָן צו אים? [13] האָט דער מלאך פון גאָט געזאָגט צו מָנוֹחַן: פון אַלץ וואָס איך האָב אָנגעזאָגט דער פרוי, זאָל זי זיך היטן. [14] פון אַלץ וואָס קומט אַרויס פון וויינשטאָק, זאָל זי ניט עסן, און וויין און שטאַרק געטראַנק זאָל זי ניט טרינקען, און קיין אומריינקייט זאָל זי ניט עסן; אַלץ וואָס איך האָב איר באַפוילן זאָל זי אָפּהיטן.

[15] האָט מָנוֹחַ געזאָגט צו דעם מלאך פון גאָט: לאָמיר, איך בעט דיך, דיך פאַרהאַלטן, און מיר וועלן מאַכן פאַר דיר אַ ציגנבעקל. [16] האָט דער מלאך פון גאָט געזאָגט צו מָנוֹחַן: אַפילו דו וועסט מיך פאַרהאַלטן, וועל איך ניט עסן פון דיין שפּייז; אויב אָבער דו ווילסט מאַכן אַ בראַנדאָפּפער, זאָלסטו עס אויפברענגען צו גאָט. ווארום מָנוֹחַ האָט ניט געוווּסט אַז דאָס איז אַ מלאך פון גאָט. [17] און מָנוֹחַ האָט געזאָגט צו דעם מלאך פון גאָט: וואָס איז דיין נאָמען, כּדי אַז דיין וואָרט וועט אָנקומען, זאָלן מיר דיר אָנטאָן כּבוד. [18] האָט דער מלאך פון גאָט צו אים געזאָגט: נאָך וואָס דען פרעגסטו אויף מיין נאָמען, אַז ער איז פאַרהוילן? [19] האָט מָנוֹחַ גענומען דאָס ציגנ־בעקל און דאָס שפּייזאָפּפער, און האָט אויפגעבראַכט אויף דעם פעלז פאַר גאָט; און דער [מלאך] האָט געטאָן ווונדערלעך, און מָנוֹחַ און זיין ווייב האָבן צוגעזען. [20] ווארום עס איז געווען, ווי די פלאַם איז אויפגעגאַנגען פון מזבח צום הימל, אַזוי איז דער מלאך פון גאָט אויפגעגאַנגען מיט דער פלאַם פון מזבח. און מָנוֹחַ און זיין ווייב האָבן געזען, און זיי זיינען געפאַלן אויף זייער פּנים צו דער ערד.

[21] און דער מלאך פון גאָט האָט זיך מער ניט באַוויזן צו מָנוֹחַן און צו זיין ווייב. דענסמאָל האָט מָנוֹחַ געוווּסט אַז דאָס איז געווען אַ מלאך פון גאָט. [22] און מָנוֹחַ האָט געזאָגט צו זיין ווייב: שטאַרבן וועלן מיר שטאַרבן, ווארום גאָט האָבן מיר געזען. [23] האָט זיין ווייב צו אים געזאָגט: אַז גאָט וואָלט אונדז געוואָלט טייטן, וואָלט ער ניט אָנגענומען פון אונדזער האַנט אַ בראַנדאָפּפער און אַ שפּייזאָפּפער, און וואָלט אונדז ניט באַוויזן דאָס אַלץ, און וואָלט אונדז אַצונד ניט אָנגעזאָגט אַזוי־וואָס.

[24] און די פרוי האָט געבאָרן אַ זון, און זי האָט גערופן זיין נאָמען שִׁמְשׁוֹן. און דער יינגל איז געוואַקסן, און גאָט האָט אים געבענטשט. [25] און דער גייסט פון גאָט האָט אָנגעהויבן צו שלאָגן אין אים, אין מַחֲנֵה־דָן, צווישן צָרְעָה און צווישן אֶשְׁתָּאוֹל.

# יד

[1] און שִׁמְשׁוֹן האָט גענידערט קיין תִּמְנָה, און האָט געזען אַ ווייבספאַרשוין אין תִּמְנָה פון די טעכטער

פְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּעַל וַיַּגֵּד לְאָבִיו וּלְאִמּוֹ וַיֹּאמֶר אִשָּׁה רָאִיתִי ב
בְתִמְנָתָה מִבְּנוֹת פְּלִשְׁתִּים וְעַתָּה קְחוּ־אוֹתָהּ לִי לְאִשָּׁה׃
וַיֹּאמֶר לוֹ אָבִיו וְאִמּוֹ הַאֵין בִּבְנוֹת אַחֶיךָ וּבְכָל־עַמִּי אִשָּׁה ג
כִּי־אַתָּה הוֹלֵךְ לָקַחַת אִשָּׁה מִפְּלִשְׁתִּים הָעֲרֵלִים וַיֹּאמֶר
שִׁמְשׁוֹן אֶל־אָבִיו אוֹתָהּ קַח־לִי כִּי־הִיא יָשְׁרָה בְעֵינָי׃
וְאָבִיו וְאִמּוֹ לֹא יָדְעוּ כִּי מֵיְהוָה הִיא כִּי־תֹאֲנָה הוּא־מְבַקֵּשׁ ד
מִפְּלִשְׁתִּים וּבָעֵת הַהִיא פְּלִשְׁתִּים מֹשְׁלִים בְּיִשְׂרָאֵל׃
וַיֵּרֶד שִׁמְשׁוֹן וְאָבִיו וְאִמּוֹ תִּמְנָתָה וַיָּבֹאוּ עַד־כַּרְמֵי תִמְנָתָה ה
וְהִנֵּה כְּפִיר אֲרָיוֹת שֹׁאֵג לִקְרָאתוֹ׃ וַתִּצְלַח עָלָיו רוּחַ ו
יְהוָה וַיְשַׁסְּעֵהוּ כְּשַׁסַּע הַגְּדִי וּמְאוּמָה אֵין בְּיָדוֹ וְלֹא הִגִּיד
לְאָבִיו וּלְאִמּוֹ אֵת אֲשֶׁר עָשָׂה׃ וַיֵּרֶד וַיְדַבֵּר לָאִשָּׁה ז
וַתִּישַׁר בְּעֵינֵי שִׁמְשׁוֹן׃ וַיָּשָׁב מִיָּמִים לְקַחְתָּהּ וַיָּסַר לִרְאוֹת ח
אֵת מַפֶּלֶת הָאַרְיֵה וְהִנֵּה עֲדַת דְּבוֹרִים בִּגְוִיַּת הָאַרְיֵה
וּדְבָשׁ׃ וַיִּרְדֵּהוּ אֶל־כַּפָּיו וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְאָכֹל וַיֵּלֶךְ אֶל־ ט
אָבִיו וְאֶל־אִמּוֹ וַיִּתֵּן לָהֶם וַיֹּאכֵלוּ וְלֹא־הִגִּיד לָהֶם כִּי
מִגְּוִיַּת הָאַרְיֵה רָדָה הַדְּבָשׁ׃ וַיֵּרֶד אָבִיהוּ אֶל־הָאִשָּׁה י
וַיַּעַשׂ שָׁם שִׁמְשׁוֹן מִשְׁתֶּה כִּי כֵּן יַעֲשׂוּ הַבַּחוּרִים׃ וַיְהִי יא
כִּרְאוֹתָם אוֹתוֹ וַיִּקְחוּ שְׁלֹשִׁים מֵרֵעִים וַיִּהְיוּ אִתּוֹ׃ וַיֹּאמֶר יב
לָהֶם שִׁמְשׁוֹן אָחוּדָה־נָּא לָכֶם חִידָה אִם־הַגֵּד תַּגִּידוּ
אוֹתָהּ לִי שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה וּמְצָאתֶם וְנָתַתִּי לָכֶם
שְׁלֹשִׁים סְדִינִים וּשְׁלֹשִׁים חֲלִפֹת בְּגָדִים׃ וְאִם־לֹא תוּכְלוּ יג
לְהַגִּיד לִי וּנְתַתֶּם אַתֶּם לִי שְׁלֹשִׁים סְדִינִים וּשְׁלֹשִׁים
חֲלִיפוֹת בְּגָדִים וַיֹּאמְרוּ לוֹ חוּדָה חִידָתְךָ וְנִשְׁמָעֶנָּה׃
וַיֹּאמֶר לָהֶם מֵהָאֹכֵל יָצָא מַאֲכָל וּמֵעַז יָצָא מָתוֹק וְלֹא יד
יָכְלוּ לְהַגִּיד הַחִידָה שְׁלֹשֶׁת יָמִים׃ וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי
וַיֹּאמְרוּ לְאֵשֶׁת־שִׁמְשׁוֹן פַּתִּי אֶת־אִישֵׁךְ וְיַגֶּד־לָנוּ אֶת־ טו
הַחִידָה פֶּן־נִשְׂרֹף אוֹתָךְ וְאֶת־בֵּית אָבִיךְ בָּאֵשׁ הַלְיָרְשֵׁנוּ
קְרָאתֶם לָנוּ הֲלֹא׃ וַתֵּבְךְּ אֵשֶׁת שִׁמְשׁוֹן עָלָיו וַתֹּאמֶר טז

ג׳ סבירין ויאמרו

פון די פלשתים. [2] און ער איז אַרויפגעקומען, און האָט דערציילט זיין פאָטער און זיין מוטער, און האָט געזאָגט: איך האָב געזען אַ ווייבספאַרשוין אין תּמנה פון די טעכטער פון די פלשתים, און אַצונד נעמט זי מיר פאַר אַ ווייב. [3] האָט צו אים געזאָגט זיין פאָטער און זיין מוטער: איז ניטאָ צווישן די טעכטער פון דיינע ברידער און צווישן מיין גאַנצן פאָלק אַ ווייבספאַרשוין, אַז דו גייסט נעמען אַ ווייב פון די אומבאַשניטענע פלשתים? האָט שמשון געזאָגט צו זיין פאָטער: נעם זי מיר, וואָרום זי איז ווילגעפעלן אין מיינע אויגן. [4] און זיין פאָטער און זיין מוטער האָבן ניט געוווסט אַז דאָס איז פון גאָט, אַז דאָס זוכט ער אַן אויסרעד אויף די פלשתים. און אין יענער צייט האָבן די פלשתים געוועלטיקט איבער ישׂראל.

[5] האָט שמשון אַראָפּגענידערט מיט זיין פאָטער און זיין מוטער קיין תּמנה. און זיי זיינען געקומען ביז די וויינגערטנער פון תּמנה, ערשט אַ יונגער לייב ברילט אַקעגן אים. [6] איז געקומען אויף אים אַ גייסט פון גאָט, און ער האָט אים צעריסן, אַזוי ווי מע צערייסט אַ ציקעלע; און קיין זאַך איז ניט געווען אין זיין האַנט. און ער האָט ניט דערציילט זיין פאָטער און זיין מוטער וואָס ער האָט געטאָן. [7] און ער האָט אַראָפּגענידערט, און האָט גערעדט צו דער ווייבספאַרשוין, און זי איז ווילגעפעלן אין שמשונס אויגן.

[8] און אין טעג אַרום איז ער צוריקגעקומען זי צו נעמען, און ער האָט פאַרקערט צו זען די נבֵלה פון דעם לייב, ערשט אין דעם לייב פון לייב איז אַ ראַי בינען און האָניק. [9] האָט ער עס אַרויסגעשאַרט אין זיינע האַנטפלעכן, און איז געגאַנגען און גייענדיק געגעסן. און ער איז געקומען צו זיין פאָטער און צו זיין מוטער, און האָט זיי געגעבן, און זיי האָבן געגעסן. און ער האָט זיי ניט דערציילט אַז פון דעם לייבס לייב האָט ער אַרויסגעשאַרט דעם האָניק.

[10] און זיין פאָטער האָט אַראָפּגענידערט צו דער ווייבספאַרשוין. און שמשון האָט דאָרטן געמאַכט אַ מאָלצייט; וואָרום אַזוי פלעגן טאָן די בחורים. [11] און עס איז געווען, ווי זיי האָבן אים געזען, אַזוי האָבן זיי געבראַכט דרייסיק חברים, און זיי זיינען געווען מיט אים. [12] האָט שמשון צו זיי געזאָגט: לאָמיך אַקאָרשט אייך ראָטן אַ רעטעניש; אויב זאָגן וועט איר עס מיר זאָגן אין די זיבן טעג פון דעם מאָלצייט, און וועט טרעפן, וועל איך אייך געבן דרייסיק ליינענע טיכער און דרייסיק גאַנג קליידער. [13] אויב אָבער איר וועט מיר ניט קענען זאָגן, זאָלט איר מיר געבן דרייסיק ליינענע טיכער און דרייסיק גאַנג קליידער. האָבן זיי צו אים געזאָגט: ראָט דיין רעטעניש, און לאָמיר זי הערן. [14] האָט ער צו זיי געזאָגט:

פון עסער איז אַרויס אַן עסן,
און פון שטאַרקן איז אַרויס אַ זיסער.

האָבן זיי דריי טעג ניט געקענט זאָגן די רעטעניש. [15] און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג, האָבן זיי געזאָגט צו שמשונס ווייב: רעד איבער דיין מאַן ער זאָל אונדז אויסזאָגן די רעטעניש, אַניט וועלן מיר פאַרברענען דיך און דיין פאָטערס הויז אין פייער. האָט איר אונדז גערופן כדי אונדז צו ירשנען? צי ניין? [16] האָט שמשונס ווייב געוויינט פאַר אים, און האָט

רַק־שְׂנֵאתַנִי וְלֹא אֲהַבְתָּנִי הַחִידָה חַדְתָּ לִבְנֵי עַמִּי וְלִי
לֹא הִגַּדְתָּה וַיֹּאמֶר לָהּ הִנֵּה לְאָבִי וּלְאִמִּי לֹא הִגַּדְתִּי וְלָךְ
יז אַגִּיד׃ וַתֵּבְךְּ עָלָיו שִׁבְעַת הַיָּמִים אֲשֶׁר־הָיָה לָהֶם הַמִּשְׁתֶּה
וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיַּגֶּד־לָהּ כִּי הֱצִיקַתְהוּ וַתַּגֵּד הַחִידָה
יח לִבְנֵי עַמָּהּ׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ אַנְשֵׁי הָעִיר בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי בְּטֶרֶם
יָבֹא הַחַרְסָה מַה־מָּתוֹק מִדְּבַשׁ וּמֶה עַז מֵאֲרִי וַיֹּאמֶר לָהֶם
יט לוּלֵא חֲרַשְׁתֶּם בְּעֶגְלָתִי לֹא מְצָאתֶם חִידָתִי׃ וַתִּצְלַח עָלָיו
רוּחַ יְהוָה וַיֵּרֶד אַשְׁקְלוֹן וַיַּךְ מֵהֶם ׀ שְׁלֹשִׁים אִישׁ וַיִּקַּח
אֶת־חֲלִיצוֹתָם וַיִּתֵּן הַחֲלִיפוֹת לְמַגִּידֵי הַחִידָה וַיִּחַר אַפּוֹ וַיַּעַל
כ בֵּית אָבִיהוּ׃ וַתְּהִי אֵשֶׁת שִׁמְשׁוֹן לְמֵרֵעֵהוּ אֲשֶׁר רֵעָה לוֹ׃

## טו

א וַיְהִי מִיָּמִים בִּימֵי קְצִיר־חִטִּים וַיִּפְקֹד שִׁמְשׁוֹן אֶת־אִשְׁתּוֹ
בִּגְדִי עִזִּים וַיֹּאמֶר אָבֹאָה אֶל־אִשְׁתִּי הֶחָדְרָה וְלֹא־נְתָנוֹ
ב אָבִיהָ לָבוֹא׃ וַיֹּאמֶר אָבִיהָ אָמֹר אָמַרְתִּי כִּי־שָׂנֹא שְׂנֵאתָהּ
וָאֶתְּנֶנָּה לְמֵרֵעֶךָ הֲלֹא אֲחוֹתָהּ הַקְּטַנָּה טוֹבָה מִמֶּנָּה תְּהִי־
ג נָא לְךָ תַּחְתֶּיהָ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם שִׁמְשׁוֹן נִקֵּיתִי הַפַּעַם
ד מִפְּלִשְׁתִּים כִּי־עֹשֶׂה אֲנִי עִמָּם רָעָה׃ וַיֵּלֶךְ שִׁמְשׁוֹן וַיִּלְכֹּד
שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת שׁוּעָלִים וַיִּקַּח לַפִּדִים וַיֶּפֶן זָנָב אֶל־זָנָב וַיָּשֶׂם
ה לַפִּיד אֶחָד בֵּין־שְׁנֵי הַזְּנָבוֹת בַּתָּוֶךְ׃ וַיַּבְעֶר־אֵשׁ בַּלַּפִּידִים
וַיְשַׁלַּח בְּקָמוֹת פְּלִשְׁתִּים וַיַּבְעֵר מִגָּדִישׁ וְעַד־קָמָה וְעַד־
ו כֶּרֶם זָיִת׃ וַיֹּאמְרוּ פְלִשְׁתִּים מִי עָשָׂה זֹאת וַיֹּאמְרוּ שִׁמְשׁוֹן
חֲתַן הַתִּמְנִי כִּי לָקַח אֶת־אִשְׁתּוֹ וַיִּתְּנָהּ לְמֵרֵעֵהוּ וַיַּעֲלוּ
ז פְלִשְׁתִּים וַיִּשְׂרְפוּ אוֹתָהּ וְאֶת־אָבִיהָ בָּאֵשׁ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם
שִׁמְשׁוֹן אִם־תַּעֲשׂוּן כָּזֹאת כִּי אִם־נִקַּמְתִּי בָכֶם וְאַחַר
ח אֶחְדָּל׃ וַיַּךְ אוֹתָם שׁוֹק עַל־יָרֵךְ מַכָּה גְדוֹלָה וַיֵּרֶד וַיֵּשֶׁב
ט בִּסְעִיף סֶלַע עֵיטָם׃ וַיַּעֲלוּ פְלִשְׁתִּים וַיַּחֲנוּ בִּיהוּדָה
י וַיִּנָּטְשׁוּ בַּלֶּחִי׃ וַיֹּאמְרוּ אִישׁ יְהוּדָה לָמָה עֲלִיתֶם עָלֵינוּ

· יד, טז׳ קמץ בזק   טו, ו׳ נ״א ואת־בית אביה   ח׳ כ״א וילך

געזאָגט: סיידן האָסט מיך פֿיינט און ניט ליב. האָסט די רעטעניש געראָטן צו די קינדער פֿון מיין פֿאָלק, און מיר האָסטו ניט אויסגעזאָגט. האָט ער צו איר געזאָגט: זע, מיין טאַטן און מיין מאַמען האָב איך ניט אויסגעזאָגט, און דיר זאָל איך אויסזאָגן? [17] האָט זי געוויינט פֿאַר אים די זיבן טעג וואָס ביי זיי איז געווען דער מאָלצייט. און עס איז געווען אויפֿן זיבעטן טאָג, האָט ער איר אויסגעזאָגט, ווייל זי האָט אים צוגעדריקט; און זי האָט אויסגעזאָגט די רעטעניש צו די קינדער פֿון איר פֿאָלק. [18] און די מענטשן פֿון שטאָט האָבן געזאָגט צו אים אויפֿן זיבעטן טאָג, איידער די זון איז אונטערגעגאַנגען:

וואָס איז זיסער פֿון האָניק?
און וואָס איז שטאַרקער פֿון אַ לייב?

האָט ער צו זיי געזאָגט:

ווען איר וואָלט מיט מיין קאַלב ניט געאַקערט,
וואָלט איר מיין רעטעניש ניט געטראָפֿן.

[19] און אַ גייסט פֿון גאָט איז געקומען אויף אים, און ער האָט אַראָפּגענידערט קיין אַשקלון, און האָט געשלאָגן פֿון זיי דרייסיק מאַן, און צוגענומען זייער אויסטו; און ער האָט אָפּגעגעבן די גאַנצע קליידער צו די וואָס האָבן געזאָגט די רעטעניש; און זיין צאָרן האָט געגרימט, און ער איז אַרויפֿגעגאַנגען צו זיין פֿאָטערס הויז. [20] און שמשונס ווייב איז געוואָרן זיינעם אַ חברס, וועמען ער האָט צוגעחברט צו זיך.

## טו

[1] און עס איז געווען אין טעג אַרום, אין די טעג פֿון ווייצשניט, האָט שמשון באַזוכט זיין ווייב מיט אַ ציגנבעקל, און ער האָט געזאָגט: לאָמיך אַריינגיין צו מיין ווייב אין קאַמער. אָבער איר פֿאָטער האָט אים ניט געלאָזט אַריינגיין. [2] און איר פֿאָטער האָט געזאָגט: קלערן האָב איך געקלערט, אַז דו האָסט זי זיכער פֿיינט געקראָגן, און איך האָב זי אַוועקגעגעבן צו דיין חבר. איז ניט איר ייִנגערע שוועסטער שענער פֿון איר? זאָל זי, איך בעט דיך, דיר זיין אָנשטאָט יענער. [3] האָט שמשון צו זיי געזאָגט: דאָס מאָל בין איך ריין קעגן די פּלשתּים, אויב איך טו מיט זיי בייז.

[4] און שמשון איז געגאַנגען, און האָט געכאַפּט דריי הונדערט פֿיקס, און ער האָט גענומען בראַנדהעלצער, און האָט צוגעקערט אַן עק צו אַן עק, און אַריינגעטאָן אַ בראַנדהאָלץ צווישן צוויי עקן, אין מיטן. [5] און ער האָט אָנגעצונדן אַ פֿייער אין די בראַנדהעלצער, און האָט זיי אַוועקגעלאָזט אין די שטייעדיקע תּבֿואות פֿון די פּלשתּים; און ער האָט פֿאַרברענט פֿון אַ סטויג ביז שטייעדיקער תּבֿואה און ביז אַן איילבערטגאָרטן.

[6] האָבן די פּלשתּים געזאָגט: ווער האָט דאָס געטאָן? האָט מען געזאָגט: שמשון דער איידים פֿון דעם תּמנהער, ווייל ער האָט גענומען זיין ווייב, און זי אַוועקגעגעבן צו זיין חבר. זיינען אַרויפֿגעגאַנגען די פּלשתּים, און האָבן פֿאַרברענט זי און איר פֿאָטער אין פֿייער.

[7] האָט שמשון צו זיי געזאָגט: אויב איר טוט אַזוי־וואָס, מוז איך ניט אַנדערש זיך נוקם זיין אָן אייך, און דערנאָך וועל איך אויפֿהערן. [8] און ער האָט זיי געשלאָגן רוק און לענד, אַ גרויסן שלאַק. און ער האָט אַראָפּגענידערט, און איז געזעסן אין דעם שפּאַלט פֿון פֿעלז עיטם.

[9] זיינען אַרויפֿגעגאַנגען די פּלשתּים, און האָבן געלאַגערט אין יהודה, און זיי האָבן זיך צעשפּרייט אין לחי. [10] האָבן די מענער פֿון יהודה געזאָגט: פֿאַרוואָס זייט איר אַרויפֿגעקומען אויף אונדז? האָבן זיי געזאָגט:

וַיֹּאמְרוּ לֶאֱסוֹר אֶת־שִׁמְשׁוֹן עָלִינוּ לַעֲשׂוֹת לוֹ כַּאֲשֶׁר
יא עָשָׂה לָנוּ׃ וַיֵּרְדוּ שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים אִישׁ מִיהוּדָה אֶל־סְעִיף
סֶלַע עֵיטָם וַיֹּאמְרוּ לְשִׁמְשׁוֹן הֲלֹא יָדַעְתָּ כִּי־מֹשְׁלִים בָּנוּ
פְּלִשְׁתִּים וּמַה־זֹּאת עָשִׂיתָ לָּנוּ וַיֹּאמֶר לָהֶם כַּאֲשֶׁר עָשׂוּ
יב לִי כֵּן עָשִׂיתִי לָהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ לֶאֱסָרְךָ יָרַדְנוּ לְתִתְּךָ
בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים וַיֹּאמֶר לָהֶם שִׁמְשׁוֹן הִשָּׁבְעוּ לִי פֶּן־תִּפְגְּעוּן
יג בִּי אַתֶּם׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ לֵאמֹר לֹא כִּי־אָסֹר נֶאֱסָרְךָ וּנְתַנּוּךָ
בְיָדָם וְהָמֵת לֹא נְמִיתֶךָ וַיַּאַסְרֻהוּ בִּשְׁנַיִם עֲבֹתִים חֲדָשִׁים
יד וַיַּעֲלוּהוּ מִן־הַסָּלַע׃ הוּא־בָא עַד־לֶחִי וּפְלִשְׁתִּים הֵרִיעוּ
לִקְרָאתוֹ וַתִּצְלַח עָלָיו רוּחַ יְהוָה וַתִּהְיֶינָה הָעֲבֹתִים אֲשֶׁר
עַל־זְרוֹעוֹתָיו כַּפִּשְׁתִּים אֲשֶׁר בָּעֲרוּ בָאֵשׁ וַיִּמַּסּוּ אֱסוּרָיו
טו מֵעַל יָדָיו׃ וַיִּמְצָא לְחִי־חֲמוֹר טְרִיָּה וַיִּשְׁלַח יָדוֹ וַיִּקָּחֶהָ
טז וַיַּךְ־בָּהּ אֶלֶף אִישׁ׃ וַיֹּאמֶר שִׁמְשׁוֹן בִּלְחִי הַחֲמוֹר חֲמוֹר
יז חֲמֹרָתָיִם בִּלְחִי הַחֲמוֹר הִכֵּיתִי אֶלֶף אִישׁ׃ וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ
לְדַבֵּר וַיַּשְׁלֵךְ הַלְּחִי מִיָּדוֹ וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם הַהוּא רָמַת
יח לֶחִי׃ וַיִּצְמָא מְאֹד וַיִּקְרָא אֶל־יְהוָה וַיֹּאמַר אַתָּה נָתַתָּ
בְיַד־עַבְדְּךָ אֶת־הַתְּשׁוּעָה הַגְּדֹלָה הַזֹּאת וְעַתָּה אָמוּת
יט בַּצָּמָא וְנָפַלְתִּי בְּיַד הָעֲרֵלִים׃ וַיִּבְקַע אֱלֹהִים אֶת־
הַמַּכְתֵּשׁ אֲשֶׁר־בַּלֶּחִי וַיֵּצְאוּ מִמֶּנּוּ מַיִם וַיֵּשְׁתְּ וַתָּשָׁב
רוּחוֹ וַיֶּחִי עַל־כֵּן ׀ קָרָא שְׁמָהּ עֵין הַקּוֹרֵא אֲשֶׁר בַּלֶּחִי
כ עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיִּשְׁפֹּט אֶת־יִשְׂרָאֵל בִּימֵי פְלִשְׁתִּים
עֶשְׂרִים שָׁנָה׃

## טז

א וַיֵּלֶךְ שִׁמְשׁוֹן עַזָּתָה וַיַּרְא־שָׁם אִשָּׁה זוֹנָה וַיָּבֹא אֵלֶיהָ׃
ב לַעַזָּתִים ׀ לֵאמֹר בָּא שִׁמְשׁוֹן הֵנָּה וַיָּסֹבּוּ וַיֶּאֶרְבוּ־לוֹ כָל־
הַלַּיְלָה בְּשַׁעַר הָעִיר וַיִּתְחָרְשׁוּ כָל־הַלַּיְלָה לֵאמֹר עַד־אוֹר
ג הַבֹּקֶר וַהֲרַגְנֻהוּ׃ וַיִּשְׁכַּב שִׁמְשׁוֹן עַד־חֲצִי הַלַּיְלָה וַיָּקָם ׀
בַּחֲצִי הַלַּיְלָה וַיֶּאֱחֹז בְּדַלְתוֹת שַׁעַר־הָעִיר וּבִשְׁתֵּי הַמְּזֻזוֹת

טו, יד׳ ס״א הא׳ בחטף סגל

צו בינדן שמשונען זיינען מיר אַרויפגעקומען; צו טאָן צו אים, אַזוי ווי ער האָט געטאָן צו אונדז.

11 האָבן אַראָפּגענידערט דריי טויזנט מאַן פון יהודה צו דעם שפּאַלט פון פעלז עֵיטָם, און זיי האָבן געזאָגט צו שמשונען: ווייסטו דען ניט אַז די פּלשתים געוועלטיקן איבער אונדז? היינט וואָס האָסטו אונדז דאָ אָפּגעטאָן? האָט ער צו זיי געזאָגט: ווי זיי האָבן געטאָן צו מיר, אַזוי האָב איך געטאָן צו זיי. 12 האָבן זיי צו אים געזאָגט: מיר האָבן אַראָפּגענידערט דיך צו בינדן, כּדי דיך איבערצוגעבן אין דער האַנט פון די פּלשתים. האָט שמשון צו זיי געזאָגט: שווערט מיר, אַז איר אַליין וועט ניט אָנפאַלן אויף מיר. 13 האָבן זיי צו אים געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: ניין, בלויז בינדן וועלן מיר דיך בינדן און דיך איבערגעבן אין זייער האַנט, אָבער טייטן וועלן מיר דיך ניט טייטן. און זיי האָבן אים געבונדן מיט צוויי נייע שטריק, און האָבן אים אַרויפגעבראַכט פון דעם פעלז.

14 ווי ער איז געקומען ביז לֶחִי, אַזוי האָבן די פּלשתים געשאַלט אים אַנטקעגן; און אַ גייסט פון גאָט איז געקומען אויף אים, און די שטריק אויף זיינע אָרעמס זיינען געוואָרן אַזוי ווי פלאַקס וואָס איז אָנגעברענט געוואָרן פון פייער, און זיינע בינדשטריק זיינען צעקראָכן פון זיינע הענט. 15 און ער האָט געפונען אַ פרישע קינבאַק פון אַן אייזל, און האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און זי גענומען, און געשלאָגן מיט איר טויזנט מאַן. 16 און שמשון האָט געזאָגט:

מיט דער קינבאַק פון אַן אייזל
הויפנס אויף הויפנס[א],
מיט דער קינבאַק פון אַן אייזל
האָב איך געשלאָגן טויזנט מאַן.

17 און עס איז געווען, ווי ער האָט געענדיקט רעדן, אַזוי האָט ער אַוועקגעוואָרפן די קינבאַק פון זיין האַנט; און מע האָט גערופן יענעם אָרט רָמַת־לֶחִי[ב].

18 און ער איז געוואָרן זייער דאָרשטיק, און ער האָט גערופן צו גאָט, און האָט געזאָגט: דו האָסט געגעבן דורך דער האַנט פון דיין קנעכט די דאָזיקע גרויסע ישועה, און אַצונד וועל איך שטאַרבן פון דאָרשט, און וועל אַריינפאַלן אין דער האַנט פון די אומבאַשניטענע. 19 האָט גאָט אויפגעשפּאָלטן דעם אויסגעהוילטן אָרט וואָס אין לֶחִי, און עס איז אַרויס פון אים וואַסער; און ער האָט געטרונקען, און האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, און אָפּגעלעבט. דרום האָט מען גערופן זיין נאָמען עֵין־הַקּוֹרֵא[ג], וואָס איז אין לֶחִי ביז אויף היינטיקן טאָג.

20 און ער האָט געמשפּט ישׂראל אין די טעג פון די פּלשתים צוואַנציק יאָר.

טז 1 און שמשון איז געגאַנגען קיין עַזָה, און האָט דאָרטן געזען אַ פרוי אַ זונה, און איז צו איר געקומען. 2 [האָט מען אָנגעזאָגט] די עַזָהער, אַזוי צו זאָגן: שמשון איז געקומען אַהער. האָבן זיי אַרומגערינגלט, און געלויערט אויף אים אַ גאַנצע נאַכט ביים טויער פון שטאָט, און זיי האָבן זיך פאַרטאַיעט אַ גאַנצע נאַכט, אַזוי צו זאָגן: ביזן ליכט פון פרימאָרגן וועלן מיר אים הרגען. 3 און שמשון איז געשלאָפן ביז האַלבע נאַכט, און אין האַלבע נאַכט איז ער אויפגעשטאַנען, און האָט אָנגענומען די טירן פון דעם שטאָטטויער, און די בײדע בײשטידלעך, און

[א] וואָרטשפּיל: בִּלְחִי הַחֲמוֹר חֲמוֹר חֲמֹרָתָיִם. [ב] אַוועקוואַרפונג פון קינבאַק; אָדער: בערגל פון קינבאַק. [ג] קוואַל פון דעם וואָס רופט.

וַיִּסָּעֵם עִם־הַבְּרִיחַ וַיָּשֶׂם עַל־כְּתֵפָיו וַיַּעֲלֵם אֶל־רֹאשׁ
ד הָהָר אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי חֶבְרוֹן׃ וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיֶּאֱהַב
ה אִשָּׁה בְּנַחַל שֹׂרֵק וּשְׁמָהּ דְּלִילָה׃ וַיַּעֲלוּ אֵלֶיהָ סַרְנֵי
פְלִשְׁתִּים וַיֹּאמְרוּ לָהּ פַּתִּי אוֹתוֹ וּרְאִי בַּמֶּה כֹּחוֹ גָדוֹל
וּבַמֶּה נוּכַל לוֹ וַאֲסַרְנֻהוּ לְעַנֹּתוֹ וַאֲנַחְנוּ נִתַּן־לָךְ אִישׁ
ו אֶלֶף וּמֵאָה כָּסֶף׃ וַתֹּאמֶר דְּלִילָה אֶל־שִׁמְשׁוֹן הַגִּידָה־
ז נָּא לִי בַּמֶּה כֹּחֲךָ גָדוֹל וּבַמֶּה תֵאָסֵר לְעַנּוֹתֶךָ׃ וַיֹּאמֶר
אֵלֶיהָ שִׁמְשׁוֹן אִם־יַאַסְרֻנִי בְּשִׁבְעָה יְתָרִים לַחִים אֲשֶׁר
ח לֹא־חֹרָבוּ וְחָלִיתִי וְהָיִיתִי כְּאַחַד הָאָדָם׃ וַיַּעֲלוּ־לָהּ סַרְנֵי
פְלִשְׁתִּים שִׁבְעָה יְתָרִים לַחִים אֲשֶׁר לֹא־חֹרָבוּ וַתַּאַסְרֵהוּ
ט בָּהֶם׃ וְהָאֹרֵב יֹשֵׁב לָהּ בַּחֶדֶר וַתֹּאמֶר אֵלָיו פְּלִשְׁתִּים
עָלֶיךָ שִׁמְשׁוֹן וַיְנַתֵּק אֶת־הַיְתָרִים כַּאֲשֶׁר יִנָּתֵק פְּתִיל־
י הַנְּעֹרֶת בַּהֲרִיחוֹ אֵשׁ וְלֹא נוֹדַע כֹּחוֹ׃ וַתֹּאמֶר דְּלִילָה
אֶל־שִׁמְשׁוֹן הִנֵּה הֵתַלְתָּ בִּי וַתְּדַבֵּר אֵלַי כְּזָבִים עַתָּה
יא הַגִּידָה־נָּא לִי בַּמֶּה תֵּאָסֵר׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אִם־אָסוֹר
יַאַסְרוּנִי בַּעֲבֹתִים חֲדָשִׁים אֲשֶׁר לֹא־נַעֲשָׂה בָהֶם מְלָאכָה
יב וְחָלִיתִי וְהָיִיתִי כְּאַחַד הָאָדָם׃ וַתִּקַּח דְּלִילָה עֲבֹתִים
חֲדָשִׁים וַתַּאַסְרֵהוּ בָהֶם וַתֹּאמֶר אֵלָיו פְּלִשְׁתִּים עָלֶיךָ
שִׁמְשׁוֹן וְהָאֹרֵב יֹשֵׁב בֶּחָדֶר וַיְנַתְּקֵם מֵעַל זְרֹעֹתָיו כַּחוּט׃
יג וַתֹּאמֶר דְּלִילָה אֶל־שִׁמְשׁוֹן עַד־הֵנָּה הֵתַלְתָּ בִּי וַתְּדַבֵּר
אֵלַי כְּזָבִים הַגִּידָה לִּי בַּמֶּה תֵּאָסֵר וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אִם־
יד תַּאַרְגִי אֶת־שֶׁבַע מַחְלְפוֹת רֹאשִׁי עִם־הַמַּסָּכֶת׃ וַתִּתְקַע
בַּיָּתֵד וַתֹּאמֶר אֵלָיו פְּלִשְׁתִּים עָלֶיךָ שִׁמְשׁוֹן וַיִּיקַץ מִשְּׁנָתוֹ
טו וַיִּסַּע אֶת־הַיְתַד הָאֶרֶג וְאֶת־הַמַּסָּכֶת׃ וַתֹּאמֶר אֵלָיו אֵיךְ
תֹּאמַר אֲהַבְתִּיךְ וְלִבְּךָ אֵין אִתִּי זֶה שָׁלֹשׁ פְּעָמִים הֵתַלְתָּ
טז בִּי וְלֹא־הִגַּדְתָּ לִּי בַּמֶּה כֹּחֲךָ גָדוֹל׃ וַיְהִי כִּי־הֵצִיקָה לּוֹ
בִדְבָרֶיהָ כָּל־הַיָּמִים וַתְּאַלְצֵהוּ וַתִּקְצַר נַפְשׁוֹ לָמוּת׃

ה׳ חוה בפתח   טז׳ הל רפה

האָט זיי אַרויסגעריסן מיטן ריגל, און אַרויפגעטאָן אויף זיינע אַקסלען, און האָט זיי אַרויפגעטראָגן אויפן שפּיץ פון דעם באַרג וואָס פאַר חֶברון.

4 און עס איז געווען נאָכדעם, האָט ער ליב געקראָגן אַ פרוי אין טאָל שורֵק, וואָס איר נאָמען איז געווען דלילה. 5 זיינען אַרויפגעגאַנגען צו איר די פירשטן פון די פּלִשתּים, און האָבן צו איר געזאָגט: רעד אים איבער, און זע מיט וואָס זיין כּוח איז גרויס, און מיט וואָס מיר קענען אים ביייקומען, און אים בינדן כּדי אים צו פּייניקן; און מיר וועלן דיר איטלעכער געבן טויזנט מיט הונדערט זילבער־שטיק.

6 האָט דלילה געזאָגט צו שִמשונען: זאָג מיר, איך בעט דיך, מיט וואָס דיין כּוח איז גרויס, און מיט וואָס דו קענסט געבונדן ווערן דיך צו פּייניקן. 7 האָט שִמשון צו איר געזאָגט: אַז מע זאָל מיך בינדן מיט זיבן פרישע בויגנ־שטריק וואָס זיינען נאָך ניט אײַנגעטריקנט געוואָרן, וועל איך אָפּגעשלאַפט ווערן, און וועל זיין ווי אַ געוויינטלעכער מענטש.

8 האָבן די פירשטן פון די פּלִשתּים איר אַרויפגע־בראַכט זיבן פרישע בויגנשטריק וואָס זיינען נאָך ניט אײַנ־געטריקנט געוואָרן, און זי האָט אים געבונדן מיט זיי. 9 און לויערער זיינען געזעסן ביי איר אין קאַמער. האָט זי אַ זאָג געטאָן צו אים: פּלִשתּים זיינען אויף דיר, שִמשון! האָט ער צעריסן די בויגנשטריק אַזוי ווי עס צערייסט זיך אַ צווערן פון פלאַקסשטרוי, אַז ער דערשמעקט פייער. און זיין כּוח איז ניט דערוווּסט געוואָרן.

10 האָט דלילה געזאָגט צו שִמשונען: זע, דו האָסט געשפּעט פון מיר, און האָסט מיר געזאָגט ליגנס. אַצונד, זאָג מיר, איך בעט דיך, מיט וואָס דו קענסט געבונדן ווערן? 11 האָט ער צו איר געזאָגט: אויב בינדן זאָל מען מיך בינדן מיט נייע שטריק וואָס מיט זיי איז ניט געטאָן געוואָרן קיין אַרבעט, וועל איך אָפּגעשלאַפט ווערן, און וועל זיין ווי אַ גע־וויינטלעכער מענטש.

12 האָט דלילה גענומען נייע שטריק, און האָט אים געבונדן מיט זיי, און זי האָט אַ זאָג געטאָן צו אים: פּלִשתּים זיינען אויף דיר, שִמשון! און לויערער זיינען געזעסן אין קאַמער. האָט ער זיי צעריסן פון זיינע אָרעמס אַזוי ווי אַ פאָדים.

13 האָט דלילה געזאָגט צו שִמשונען: ביז אַהער האָסטו געשפּעט פון מיר, און האָסט מיר געזאָגט ליגנס; זאָג מיר מיט וואָס דו קענסט געבונדן ווערן. האָט ער צו איר געזאָגט: אַז דו וועסט אײַנוועבן די זיבן פלעכטן פון מיין קאָפּ מיט דעם געוועב.

14 האָט זי זיי באַפעסטיקט מיטן פלעקל, און האָט אַ זאָג געטאָן צו אים: פּלִשתּים זיינען אויף דיר, שִמשון! האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, און האָט אַרויסגעריסן דאָס וועבפלעקל און דאָס געוועב.

15 האָט זי צו אים געזאָגט: ווי קענסטו זאָגן: איך האָב דיך ליב, אַז דיין האַרץ איז ניט מיט מיר? שוין דריי מאָל האָסטו געשפּעט פון מיר, און האָסט מיר ניט געזאָגט מיט וואָס דיין כּוח איז גרויס. 16 און עס איז געווען, אַז זי האָט אים צוגעדריקט מיט אירע רייד אַלע טעג, און איז צוגעשטאַנען צו אים ביז זיין זעל איז געוואָרן באַקלעמט צו שטאַרבן.

יז וַיַּגֶּד־לָהּ אֶת־כָּל־לִבּוֹ וַיֹּאמֶר לָהּ מוֹרָה לֹא־עָלָה עַל־
רֹאשִׁי כִּי־נְזִיר אֱלֹהִים אֲנִי מִבֶּטֶן אִמִּי אִם־גֻּלַּחְתִּי וְסָר
יח מִמֶּנִּי כֹחִי וְחָלִיתִי וְהָיִיתִי כְּכָל־הָאָדָם׃ וַתֵּרֶא דְלִילָה
כִּי־הִגִּיד לָהּ אֶת־כָּל־לִבּוֹ וַתִּשְׁלַח וַתִּקְרָא לְסַרְנֵי פְלִשְׁתִּים
לֵאמֹר עֲלוּ הַפַּעַם כִּי־הִגִּיד לָה אֶת־כָּל־לִבּוֹ וְעָלוּ אֵלֶיהָ
יט סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים וַיַּעֲלוּ הַכֶּסֶף בְּיָדָם׃ וַתְּיַשְּׁנֵהוּ עַל־בִּרְכֶּיהָ
וַתִּקְרָא לָאִישׁ וַתְּגַלַּח אֶת־שֶׁבַע מַחְלְפוֹת רֹאשׁוֹ וַתָּחֶל
כ לְעַנּוֹתוֹ וַיָּסַר כֹּחוֹ מֵעָלָיו׃ וַתֹּאמֶר פְּלִשְׁתִּים עָלֶיךָ שִׁמְשׁוֹן
וַיִּקַץ מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אֵצֵא כְּפַעַם בְּפַעַם וְאִנָּעֵר וְהוּא לֹא
כא יָדַע כִּי יְהוָה סָר מֵעָלָיו׃ וַיֹּאחֲזוּהוּ פְלִשְׁתִּים וַיְנַקְּרוּ אֶת־
עֵינָיו וַיּוֹרִידוּ אוֹתוֹ עַזָּתָה וַיַּאַסְרוּהוּ בַּנְחֻשְׁתַּיִם וַיְהִי טוֹחֵן
כב בְּבֵית הָאֲסִירִים׃ וַיָּחֶל שְׂעַר־רֹאשׁוֹ לְצַמֵּחַ כַּאֲשֶׁר גֻּלָּח׃
כג וְסַרְנֵי פְלִשְׁתִּים נֶאֶסְפוּ לִזְבֹּחַ זֶבַח־גָּדוֹל לְדָגוֹן
אֱלֹהֵיהֶם וּלְשִׂמְחָה וַיֹּאמְרוּ נָתַן אֱלֹהֵינוּ בְּיָדֵנוּ אֵת שִׁמְשׁוֹן
כד אוֹיְבֵנוּ׃ וַיִּרְאוּ אֹתוֹ הָעָם וַיְהַלְלוּ אֶת־אֱלֹהֵיהֶם כִּי אָמְרוּ
נָתַן אֱלֹהֵינוּ בְיָדֵנוּ אֶת־אוֹיְבֵנוּ וְאֵת מַחֲרִיב אַרְצֵנוּ וַאֲשֶׁר
כה הִרְבָּה אֶת־חֲלָלֵינוּ׃ וַיְהִי כִּי* טוֹב לִבָּם וַיֹּאמְרוּ קִרְאוּ
לְשִׁמְשׁוֹן וִישַׂחֶק לָנוּ וַיִּקְרְאוּ לְשִׁמְשׁוֹן מִבֵּית הָאֲסִירִים
כו וַיְצַחֵק לִפְנֵיהֶם וַיַּעֲמִידוּ אוֹתוֹ בֵּין הָעַמּוּדִים׃ וַיֹּאמֶר
שִׁמְשׁוֹן אֶל־הַנַּעַר הַמַּחֲזִיק בְּיָדוֹ הַנִּיחָה אוֹתִי וַהֲימִשֵׁנִי
אֶת־הָעַמֻּדִים אֲשֶׁר הַבַּיִת נָכוֹן עֲלֵיהֶם וְאֶשָּׁעֵן עֲלֵיהֶם׃
כז וְהַבַּיִת מָלֵא הָאֲנָשִׁים וְהַנָּשִׁים וְשָׁמָּה כֹּל סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים
וְעַל־הַגָּג כִּשְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים אִישׁ וְאִשָּׁה הָרֹאִים בִּשְׂחוֹק
כח שִׁמְשׁוֹן׃ וַיִּקְרָא שִׁמְשׁוֹן אֶל־יְהוָה וַיֹּאמַר אֲדֹנָי יְהוִה זָכְרֵנִי
נָא וְחַזְּקֵנִי נָא אַךְ הַפַּעַם הַזֶּה הָאֱלֹהִים וְאִנָּקְמָה נְקַם־
כט אַחַת מִשְּׁתֵי עֵינַי מִפְּלִשְׁתִּים׃ וַיִּלְפֹּת שִׁמְשׁוֹן אֶת־שְׁנֵי ׀
עַמּוּדֵי הַתָּוֶךְ אֲשֶׁר הַבַּיִת נָכוֹן עֲלֵיהֶם וַיִּסָּמֵךְ עֲלֵיהֶם אֶחָד

יח׳ לי ק כא׳ האסורים ק כה׳ כטוב ק האסורים ק כו׳ והמשני ק כח׳ דתי ופה

[17] האָט ער איר דערציילט זיין גאַנץ האַרץ, און האָט צו איר געזאָגט: אַ שערמעסער איז ניט אַרויפגעקומען אויף מיין קאָפּ, וואָרום אַ נזיר פון גאָט בין איך פון מיין מוטערס לייב אָן. אַז איך זאָל אָפּגעשאָרן ווערן, וועט זיך אָפּטאָן פון מיר מיין כוח, און איך וועל אָפּגעשלאַפט ווערן, און וועל זיין אַזוי ווי אַלע מענטשן.

[18] האָט דלילה געזען, אַז ער האָט איר דערציילט זיין גאַנץ האַרץ, און זי האָט געשיקט און גערופן די פירשטן פון די פּלִשתּים, אַזוי צו זאָגן: קומט אַרויף דאָס מאָל, וואָרום ער האָט מיר דערציילט זיין גאַנץ האַרץ. זיינען אַרויפגעקומען צו איר די פירשטן פון די פּלִשתּים, און זיי האָבן אַרויפגעבראַכט דאָס געלט אין זייער האַנט. [19] און זי האָט אים פאַרשלעפערט אויף אירע קני; און זי האָט צוגערופן אַ מאַן, און געלאָזט אָפּשערן די זיבן פלעכטן פון זיין קאָפּ; און זי האָט אים אָנגעהויבן פּייניקן, און זיין כוח האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים. [20] האָט זי אַ זאָג געטאָן: פּלִשתּים זיינען אויף דיר, שמשון! און ער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין שלאָף, און האָט געזאָגט: איך וועל אַרויסגיין ווי אַלע מאָל, און וועל מיך פאַנאַנדערטרייסלען. און ער האָט ניט געוווסט אַז גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים.

[21] און די פּלִשתּים האָבן אים גענומען, און האָבן אויסגעשטאָכן זיינע אויגן; און זיי האָבן אים אַראָפּגעבראַכט קיין עַזָה, און האָבן אים געשמידט אין קופּערנע קייטן; און ער האָט געמאָלן אין דער געפענקעניש. [22] און די האָר פון זיין קאָפּ האָט ווידער אָנגעהויבן וואַקסן נאָכדעם ווי ער איז אָפּגעשאָרן געוואָרן.

[23] און די פירשטן פון די פּלִשתּים האָבן זיך איינגעזאַמלט צו שלאַכטן אַ גרויסע שלאַכטונג צו זייער גאָט דָגוֹן, און זיך צו פרייען, וואָרום זיי האָבן געזאָגט: אונדזער גאָט האָט געגעבן אין אונדזער האַנט אונדזער פיינט שמשונען. [24] און דאָס פאָלק האָט אים געזען, און זיי האָבן געלויבט זייער גאָט, וואָרום זיי האָבן געזאָגט: אונדזער גאָט האָט געגעבן אין אונדזער האַנט אונדזער פיינט, און דעם פאַרוויסטער פון אונדזער לאַנד, און דעם וואָס האָט געמערט אונדזערע דערשלאָגענע. [25] און עס איז געווען, אַז זייער האַרץ איז געווען פריילעך, האָבן זיי געזאָגט: רופט שמשונען, און ער זאָל זיך לוסטיק מאַכן פאַר אונדז. האָט מען גערופן שמשונען פון געפענקעניש, און ער האָט זיך לוסטיק געמאַכט פאַר זיי; און מע האָט אים אַוועקגעשטעלט צווישן די זיילן.

[26] האָט שמשון געזאָגט צו דעם יינגל וואָס האָט אים געהאַלטן פאַר דער האַנט: לאָז מיך איך זאָל אָנטאַפּן די זיילן וואָס דאָס הויז איז באַפעסטיקט אויף זיי, און איך וועל מיך אָנלענען אויף זיי. [27] און דאָס הויז איז געווען פול מיט מענער און ווייבער, און דאָרטן זיינען געווען אַלע פירשטן פון די פּלִשתּים; און אויפן דאַך זיינען געווען אַרום דריי טויזנט מענער און ווייבער וואָס האָבן צוגעקוקט ווי שמשון מאַכט זיך לוסטיק. [28] האָט שמשון גערופן צו גאָט, און האָט געזאָגט: גאָט דו האַר, דערמאָן זיך אָן מיר, איך בעט דיך, און שטאַרק מיך, איך בעט דיך, נאָר דאָס מאָל, גאָט, און לאָמיך זיך נוקם זיין איין מאָל אַ נקמה פאַר מיינע ביידע אויגן אָן די פּלִשתּים. [29] און שמשון האָט אַרומגענומען די ביידע מיטלסטע זיילן וואָס דאָס הויז איז געווען באַפעסטיקט אויף זיי, און האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף זיי; איינעם

ל בִּימִינוֹ וְאֶחָד בִּשְׂמֹאלוֹ׃ וַיֹּאמֶר שִׁמְשׁוֹן תָּמוֹת נַפְשִׁי עִם־
פְּלִשְׁתִּים וַיֵּט בְּכֹחַ וַיִּפֹּל הַבַּיִת עַל־הַסְּרָנִים וְעַל־כָּל־הָעָם
אֲשֶׁר־בּוֹ וַיִּהְיוּ הַמֵּתִים אֲשֶׁר הֵמִית בְּמוֹתוֹ רַבִּים מֵאֲשֶׁר
לא הֵמִית בְּחַיָּיו׃ וַיֵּרְדוּ אֶחָיו וְכָל־בֵּית אָבִיהוּ וַיִּשְׂאוּ אֹתוֹ
וַיַּעֲלוּ ׀ וַיִּקְבְּרוּ אוֹתוֹ בֵּין צָרְעָה וּבֵין אֶשְׁתָּאֹל בְּקֶבֶר מָנוֹחַ
אָבִיו וְהוּא שָׁפַט אֶת־יִשְׂרָאֵל עֶשְׂרִים שָׁנָה׃

יז

א ב וַיְהִי־אִישׁ מֵהַר־אֶפְרָיִם וּשְׁמוֹ מִיכָיְהוּ׃ וַיֹּאמֶר לְאִמּוֹ
אֶלֶף וּמֵאָה הַכֶּסֶף אֲשֶׁר לֻקַּח־לָךְ וְאַתִּי אָלִית וְגַם אָמַרְתְּ
בְּאָזְנַי הִנֵּה־הַכֶּסֶף אִתִּי אֲנִי לְקַחְתִּיו וַתֹּאמֶר אִמּוֹ בָּרוּךְ
ג בְּנִי לַיהוָה׃ וַיָּשֶׁב אֶת־אֶלֶף־וּמֵאָה הַכֶּסֶף לְאִמּוֹ וַתֹּאמֶר
אִמּוֹ הַקְדֵּשׁ הִקְדַּשְׁתִּי אֶת־הַכֶּסֶף לַיהוָה מִיָּדִי לִבְנִי
ד לַעֲשׂוֹת פֶּסֶל וּמַסֵּכָה וְעַתָּה אֲשִׁיבֶנּוּ לָךְ׃ וַיָּשֶׁב אֶת־
הַכֶּסֶף לְאִמּוֹ וַתִּקַּח אִמּוֹ מָאתַיִם כֶּסֶף וַתִּתְּנֵהוּ לַצּוֹרֵף
ה וַיַּעֲשֵׂהוּ פֶּסֶל וּמַסֵּכָה וַיְהִי בְּבֵית מִיכָיְהוּ׃ וְהָאִישׁ מִיכָה
לוֹ בֵּית אֱלֹהִים וַיַּעַשׂ אֵפוֹד וּתְרָפִים וַיְמַלֵּא אֶת־יַד אַחַד
ו מִבָּנָיו וַיְהִי־לוֹ לְכֹהֵן׃ בַּיָּמִים הָהֵם אֵין מֶלֶךְ בְּיִשְׂרָאֵל
ז אִישׁ הַיָּשָׁר בְּעֵינָיו יַעֲשֶׂה׃ וַיְהִי־נַעַר מִבֵּית לֶחֶם
ח יְהוּדָה מִמִּשְׁפַּחַת יְהוּדָה וְהוּא לֵוִי וְהוּא גָר־שָׁם׃ וַיֵּלֶךְ
הָאִישׁ מֵהָעִיר מִבֵּית לֶחֶם יְהוּדָה לָגוּר בַּאֲשֶׁר יִמְצָא
ט וַיָּבֹא הַר־אֶפְרַיִם עַד־בֵּית מִיכָה לַעֲשׂוֹת דַּרְכּוֹ׃ וַיֹּאמֶר־
לוֹ מִיכָה מֵאַיִן תָּבוֹא וַיֹּאמֶר אֵלָיו לֵוִי אָנֹכִי מִבֵּית לֶחֶם
י יְהוּדָה וְאָנֹכִי הֹלֵךְ לָגוּר בַּאֲשֶׁר אֶמְצָא׃ וַיֹּאמֶר לוֹ מִיכָה
שְׁבָה עִמָּדִי וֶהְיֵה־לִי לְאָב וּלְכֹהֵן וְאָנֹכִי אֶתֶּן־לְךָ עֲשֶׂרֶת
יא כֶּסֶף לַיָּמִים וְעֵרֶךְ בְּגָדִים וּמִחְיָתֶךָ וַיֵּלֶךְ הַלֵּוִי׃ וַיּוֹאֶל
הַלֵּוִי לָשֶׁבֶת אֶת־הָאִישׁ וַיְהִי הַנַּעַר לוֹ כְּאַחַד מִבָּנָיו׃
יב וַיְמַלֵּא מִיכָה אֶת־יַד הַלֵּוִי וַיְהִי־לוֹ הַנַּעַר לְכֹהֵן וַיְהִי בְּבֵית

יז, א׳ קמץ בטרחא ב׳ ואת קרי

מיט זיין רעכטער האַנט, און איינעם מיט זיין לינקער. 30 און שמשון האָט געזאָגט: לאָמיך שטאַרבן אין איינעם מיט די פּלשתּים! און ער האָט זיך אַ בויג געטאָן מיט כּוח, און דאָס הויז איז אײַנגעפאַלן אויף די פירשטן, און אויפן גאַנצן פאָלק וואָס דרינען. און די טויטע וואָס ער האָט געטייט בײַ זיין טויט, זיינען געווען מער ווי די וואָס ער האָט געטייט בײַ זיין לעבן.

31 און זיינע ברידער און דאָס גאַנצע הויז פון זיין פאָטער האָבן אַראָפּגענידערט, און האָבן אים גענומען, און אים אַרויפגעבראַכט, און אים באַגראָבן צווישן צרעה און צווישן אשתּאול אין דעם קבר פון זיין פאָטער מנוח.

און ער האָט געמשפּט ישׂראל צוואַנציק יאָר.

יז 1 און עס איז געווען אַ מאַן פון דעם געבערג פון אפרים, וואָס זיין נאָמען איז געווען מיכה. 2 האָט ער געזאָגט צו זיין מוטער: די טויזנט מיט הונדערט זילבערשטיק וואָס זיינען צוגענומען געוואָרן בײַ דיר, און וואָס דו האָסט וועגן זיי געשאָלטן, און האָסט עס אויך געזאָגט אין מיינע אויערן — אָט איז דאָס זילבער בײַ מיר; איך האָב עס גענומען. האָט זיין מוטער געזאָגט: געבענטשט זאָל זיין מיין זון פון גאָט! 3 און ער האָט אומגעקערט די טויזנט מיט הונדערט זילבערשטיק צו זיין מוטער, און זיין מוטער האָט געזאָגט: הייליקן האָב איך געהייליקט דאָס זילבער צו גאָט פון מיין האַנט פאַר מיין זון, אויף צו מאַכן אַ געשניצט און אַ געגאָסן בילד; און אַצונד וועל איך עס דיר צוריקגעבן. 4 און אַז ער האָט אומגעקערט דאָס זילבער צו זיין מוטער, האָט זיין מוטער גענומען צוויי הונדערט זילבערשטיק, און האָט עס געגעבן צום שמעלצער, און ער האָט דערפון געמאַכט אַ געשניצט און אַ געגאָסן בילד, און עס איז געווען אין מיכהס הויז. 5 און דער מאַן מיכה האָט געהאַט אַ הויז פון גאָט, און ער האָט געמאַכט אַן אפוד און אַ תּרפים, און האָט דערפילט די האַנט פון איינעם פון זיינע זין, און ער איז אים געווען פאַר אַ כּהן.

6 אין יענע טעג איז קיין מלך ניט געווען אין ישׂראל; איטלעכער האָט געטאָן וואָס איז רעכט אין זיינע אויגן.

7 און עס איז געווען אַ יונגערמאַן פון בית־לחם־יהודה, פון דער משפּחה פון יהודה; און ער איז געווען אַ לוי, און האָט זיך דאָרטן אויפגעהאַלטן. 8 און דער מאַן איז אַוועק פון דער שטאָט, פון בית־לחם־יהודה, זיך אויפצוהאַלטן וווּ אים וועט זיך טרעפן; און ער איז געקומען צום געבערג פון אפרים ביז מיכהס הויז, צו מאַכן זיין וועג ווייטער. 9 האָט מיכה צו אים געזאָגט: פון וואַנען קומסטו? האָט ער געזאָגט: אַ לוי בין איך פון בית־לחם־יהודה, און איך גיי זיך אויפהאַלטן וווּ מיר וועט זיך טרעפן. 10 האָט מיכה צו אים געזאָגט: בלייב בײַ מיר, און זיי מיר פאַר אַ פאָטער און פאַר אַ כּהן, און איך וועל דיר געבן צען זילבערשטיק אַ יאָר, און אַן אויסשטאַט קליידער, און דיינע קעסט. איז דער לוי אַרײַנגעגאַנגען. 11 און דער לוי האָט אײַנגעוויליקט צו בלייבן מיטן מאַן. און דער יונגערמאַן איז בײַ אים געווען אַזוי ווי איינער פון זיינע זין. 12 און מיכה האָט דערפילט די האַנט פון דעם לוי, און דער יונגערמאַן איז אים געווען פאַר אַ כּהן, און ער איז

מִיכָה׃ וַיֹּאמֶר מִיכָה עַתָּה יָדַעְתִּי כִּי־יֵיטִיב יְהוָה לִי כִּי יג
הָיָה־לִי הַלֵּוִי לְכֹהֵן׃

יח

בַּיָּמִים הָהֵם אֵין מֶלֶךְ בְּיִשְׂרָאֵל וּבַיָּמִים הָהֵם שֵׁבֶט הַדָּנִי א
מְבַקֶּשׁ־לוֹ נַחֲלָה לָשֶׁבֶת כִּי לֹא־נָפְלָה לּוֹ עַד־הַיּוֹם הַהוּא
בְּתוֹךְ־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל בְּנַחֲלָה׃ וַיִּשְׁלְחוּ בְנֵי־דָן ׀ ב
מִמִּשְׁפַּחְתָּם חֲמִשָּׁה אֲנָשִׁים מִקְצוֹתָם אֲנָשִׁים בְּנֵי־חַיִל
מִצָּרְעָה וּמֵאֶשְׁתָּאֹל לְרַגֵּל אֶת־הָאָרֶץ וּלְחָקְרָהּ וַיֹּאמְרוּ
אֲלֵהֶם לְכוּ חִקְרוּ אֶת־הָאָרֶץ וַיָּבֹאוּ הַר־אֶפְרַיִם עַד־בֵּית
מִיכָה וַיָּלִינוּ שָׁם׃ הֵמָּה עִם־בֵּית מִיכָה וְהֵמָּה הִכִּירוּ ג
אֶת־קוֹל הַנַּעַר הַלֵּוִי וַיָּסוּרוּ שָׁם וַיֹּאמְרוּ לוֹ מִי־הֱבִיאֲךָ
הֲלֹם וּמָה־אַתָּה עֹשֶׂה בָּזֶה וּמַה־לְּךָ פֹה׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם ד
כָּזֹה וְכָזֶה עָשָׂה לִי מִיכָה וַיִּשְׂכְּרֵנִי וָאֱהִי־לוֹ לְכֹהֵן׃
וַיֹּאמְרוּ לוֹ שְׁאַל־נָא בֵאלֹהִים וְנֵדְעָה הֲתַצְלִיחַ דַּרְכֵּנוּ ה
אֲשֶׁר אֲנַחְנוּ הֹלְכִים עָלֶיהָ׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם הַכֹּהֵן לְכוּ ו
לְשָׁלוֹם נֹכַח יְהוָה דַּרְכְּכֶם אֲשֶׁר תֵּלְכוּ־בָהּ׃ וַיֵּלְכוּ ז
חֲמֵשֶׁת הָאֲנָשִׁים וַיָּבֹאוּ לָיְשָׁה וַיִּרְאוּ אֶת־הָעָם אֲשֶׁר־
בְּקִרְבָּהּ יוֹשֶׁבֶת לָבֶטַח כְּמִשְׁפַּט צִדֹנִים שֹׁקֵט ׀ וּבֹטֵחַ
וְאֵין־מַכְלִים דָּבָר בָּאָרֶץ יוֹרֵשׁ עֶצֶר וּרְחֹקִים הֵמָּה
מִצִּדֹנִים וְדָבָר אֵין־לָהֶם עִם־אָדָם׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־אֲחֵיהֶם ח
צָרְעָה וְאֶשְׁתָּאֹל וַיֹּאמְרוּ לָהֶם אֲחֵיהֶם מָה אַתֶּם׃
וַיֹּאמְרוּ קוּמָה וְנַעֲלֶה עֲלֵיהֶם כִּי רָאִינוּ אֶת־הָאָרֶץ ט
וְהִנֵּה טוֹבָה מְאֹד וְאַתֶּם מַחְשִׁים אַל־תֵּעָצְלוּ לָלֶכֶת
לָבֹא לָרֶשֶׁת אֶת־הָאָרֶץ׃ כְּבֹאֲכֶם תָּבֹאוּ ׀ אֶל־עַם בֹּטֵחַ י
וְהָאָרֶץ רַחֲבַת יָדַיִם כִּי־נְתָנָהּ אֱלֹהִים בְּיֶדְכֶם מְקוֹם אֲשֶׁר
אֵין־שָׁם מַחְסוֹר כָּל־דָּבָר אֲשֶׁר בָּאָרֶץ׃ וַיִּסְעוּ מִשָּׁם יא
מִמִּשְׁפַּחַת הַדָּנִי מִצָּרְעָה וּמֵאֶשְׁתָּאֹל שֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ חָגוּר
כְּלֵי מִלְחָמָה׃ וַיַּעֲלוּ וַיַּחֲנוּ בְּקִרְיַת יְעָרִים בִּיהוּדָה עַל־כֵּן יב

געוועזן אין מיכָהס הויז. 13 און מיכָה האָט געזאָגט: אַצונד ווייס איך אַז גאָט וועט מיך באַגיטיקן, אַז דער לֵוִי איז מיר געוואָרן פאַר אַ כּהן.

# יח

1 אין יענע טעג איז קיין מלך ניט געווען אין ישראל.

און אין יענע טעג האָט דער שבט דָן זיך געזוכט אַ נחלה אויף זיך צו באַזעצן, וואָרום ביז יענעם טאָג איז אים גאָרנישט צוגעפאַלן פאַר אַ נחלה צווישן די שבטים פון ישׂראל. 2 האָבן די קינדער פון דָן געשיקט פון זייער משפחה פינף מענער פון צווישן זיך, העלדישע יונגען פון צָרעָה און פון אֶשתָּאול, אויסצוקוקן דאָס לאַנד, און עס אויסצופאָרשן. און זיי האָבן צו זיי געזאָגט: גייט פאָרשט אויס דאָס לאַנד. זיינען זיי געקומען צום געבערג פון אפרים ביז מיכָהס הויז, און האָבן דאָרטן גענעכטיקט. 3 ווי זיי זיינען לעבן מיכָהס הויז, אַזוי האָבן זיי דערקענט דעם קָול פון דעם יונגמאַן, דעם לֵוִי, און זיי האָבן אַהין פאַרקערט, און האָבן צו אים געזאָגט: ווער האָט דיך אַהער געבראַכט? און וואָס טוסטו דאָ? און וואָס האָסטו דאָ? 4 האָט ער צו זיי געזאָגט: אַזוי און אַזוי האָט מיכָה געטאָן צו מיר; און ער האָט מיך געדונגען, און איך בין אים געוואָרן פאַר אַ כּהן. 5 האָבן זיי צו אים געזאָגט: פרעג אַקאָרשט בײַ גאָט, כּדי מיר זאָלן וויסן אויב אונדזער וועג וואָס מיר גייען אויף אים וועט באַגליקן. 6 האָט דער כּהן צו זיי געזאָגט: גייט לשלום! פאַר גאָט איז אײַער וועג וואָס איר גייט אויף אים.

7 זיינען די פינף מענער געגאַנגען, און זיי זיינען געקומען קיין לַיִש, און האָבן געזען דאָס פאָלק וואָס אין איר—ווי זי זיצט אין זיכערקייט, אַזוי ווי דער שטייגער פון די צידונים, רואיק און זיכער, און ניטאָ אין לאַנד אַ מאַכט־האָבער וואָס זאָל אין עפּעס קריוודען, און זיי זיינען ווייט פון די צידונים, און האָבן ניט קיין פאַרקער מיט אַ מענטשן.

8 זיינען זיי געקומען צו זייערע ברידער אין צָרעָה און אֶשתָּאול; און זייערע ברידער האָבן צו זיי געזאָגט: וואָס [זאָגט] איר? 9 האָבן זיי געזאָגט: שטייט אויף, און לאָמיר אַרויפגיין אויף זיי, וואָרום מיר האָבן געזען דאָס לאַנד, ערשט עס איז זייער גוט. און איר שווייגט? איר זאָלט אײַך ניט פוילן צו גיין, כּדי צו קומען אַרבן דאָס לאַנד. 10 אַז איר קומט, וועט איר קומען צו אַ רואיקן פאָלק, און דאָס לאַנד איז געראַם אין אָרט. פאַרוואָר, גאָט האָט עס געגעבן אין אײַער האַנט; אַן אָרט וואָס דאָרטן פעלט ניט קיין זאַך וואָס אויף דער ערד.

11 האָבן אַוועקגעצויגן פון דאָרטן, פון דער משפחה פון דָן, פון צָרעָה און פון אֶשתָּאול, זעקס הונדערט מאַן אָנגעגורט מיט כּלֵי־מלחמה. 12 און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען און האָבן געלאַגערט אין קרִיַת־יְעָרים, אין יהודה; דרום

רופט מען יענעם אָרט מַחֲנֵה־דָן[א] ביז אויף היינטיקן טאָג; ער איז הינטער קִרְיַת־יְעָרִים. [13] און זיי זיינען אַריבער פון דאָרטן צום געבערג פון אפרים, און זיינען געקומען ביז מיכָהס הויז.

[14] האָבן זיך אָפּגערופן די פינף מענער וואָס זיינען געגאַנגען אויסקוקן דאָס לאַנד לַיִש, און האָבן געזאָגט צו זייערע ברידער: ווייסט איר אַז אין דידאָזיקע הייזער איז דאָ אַן אֵפוד, און אַ תְּרָפים, און אַ געשניצט און אַ געגאָסן בילד? און אַצונד, ווייסט וואָס איר האָט צו טאָן.

[15] האָבן זיי פאַרקערט אַהין, און זיינען געקומען צום הויז פון דעם יונגמאַן דעם לֵוִי, צו מיכָהס הויז, און האָבן אים געפרעגט אויף פריד. [16] און די זעקס הונדערט מאַן אָנגעגורט מיט זייערע כְּלֵי־מלחמה, וואָס פון די קינדער פון דָן, זיינען געשטאַנען ביים אַיינגאַנג פון טויער. [17] און די פינף מענער וואָס זיינען געגאַנגען אויסקוקן דאָס לאַנד, זיינען אַרויפגעגאַנגען, אַריין אַהין, און צוגענומען דאָס געשניצטע בילד, און דעם אֵפוד, און דעם תְּרָפים, און דאָס געגאָסענע בילד; און דער כֹּהן איז געשטאַנען ביים אַיינגאַנג פון טויער מיט די זעקס הונדערט מאַן אָנגעגורט מיט כְּלֵי־מלחמה. [18] און ווי יענע זיינען אַריינגעגאַנגען אין מיכָהס הויז, און האָבן צוגענומען דאָס געשניצטע בילד מיטן אֵפוד, און דעם תְּרָפים, און דאָס געגאָסענע בילד, אַזוי האָט דער כֹּהן צו זיי געזאָגט: וואָס טוט איר? [19] האָבן זיי צו אים געזאָגט: שווייג! טו אַרויף דיין האַנט אויף דיין מויל, און גיי מיט אונדז, און זיי אונדז פאַר אַ פאָטער און פאַר אַ כֹּהן. איז דיר בעסער צו זיין אַ כֹּהן ביי איין מענטשנס הויז, אָדער זיין אַ כֹּהן ביי אַ שבט און ביי אַ משפחה אין ישׂראל? [20] האָט זיך דעם כֹּהנס האַרץ דערפרייט, און ער האָט גענומען דעם אֵפוד, און דעם תְּרָפים, און דאָס געשניצטע בילד, און איז אַריין צווישן דעם פאָלק. [21] און זיי האָבן זיך אומגעדרייט און זיינען אַוועקגעגאַנגען. און זיי האָבן געשטעלט די קליינע קינדער און דאָס פי און דאָס גוטס זיך פאַרויס.

[22] ווי זיי האָבן זיך דערווייטערט פון מיכָהס הויז, אַזוי זיינען די מענטשן וואָס אין די הייזער וואָס לעבן מיכָהס הויז זיך צונויפגעלאָפן, און זיי האָבן אָנגעיאָגט די קינדער פון דָן. [23] און זיי האָבן גערופן צו די קינדער פון דָן. האָבן יענע אומגעקערט זייער פנים, און האָבן געזאָגט צו מיכָהן: וואָס איז דיר, וואָס דו ביסט זיך צונויפגעלאָפן? [24] האָט ער געזאָגט: איר האָט צוגענומען מיין גאָט וואָס איך האָב געמאַכט, און דעם כֹּהן, און איר זייט אַוועקגעגאַנגען, און וואָס נאָך האָב איך? היינט וואָס זאָגט איר צו מיר: וואָס איז דיר? [25] האָבן די קינדער פון דָן צו אים געזאָגט: לאָז ניט הערן דיין קָול ביי אונדז, וואָרום מענטשן מיט אַ ביטער געמיט וועלן נאָך אָנפאַלן אויף אַייך, און וועסט אומברענגען דיין נפש און די נפשות פון דיין הויזגעזינט.

[26] און די קינדער פון דָן זיינען געגאַנגען אויף זייער וועג. און מיכָה האָט געזען אַז זיי זיינען שטאַרקער פון אים, און ער האָט זיך אומגעדרייט און זיך צוריקגעקערט אין זיין הויז.

קָרְאוּ לַמָּקוֹם הַהוּא מַחֲנֵה־דָן עַד הַיּוֹם הַזֶּה הִנֵּה אַחֲרֵי
יג קִרְיַת יְעָרִים׃ וַיַּעַבְרוּ מִשָּׁם הַר־אֶפְרָיִם וַיָּבֹאוּ עַד־בֵּית
יד מִיכָה׃ וַיַּעֲנוּ חֲמֵשֶׁת הָאֲנָשִׁים הַהֹלְכִים לְרַגֵּל אֶת־הָאָרֶץ
לַיִשׁ וַיֹּאמְרוּ אֶל־אֲחֵיהֶם הַיְדַעְתֶּם כִּי יֵשׁ בַּבָּתִּים הָאֵלֶּה
אֵפוֹד וּתְרָפִים וּפֶסֶל וּמַסֵּכָה וְעַתָּה דְּעוּ מַה־תַּעֲשׂוּ׃
טו וַיָּסוּרוּ שָׁמָּה וַיָּבֹאוּ אֶל־בֵּית־הַנַּעַר הַלֵּוִי בֵּית מִיכָה
טז וַיִּשְׁאֲלוּ־לוֹ לְשָׁלוֹם׃ וְשֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ חֲגוּרִים כְּלֵי
יז מִלְחַמְתָּם נִצָּבִים פֶּתַח הַשָּׁעַר אֲשֶׁר מִבְּנֵי־דָן׃ וַיַּעֲלוּ
חֲמֵשֶׁת הָאֲנָשִׁים הַהֹלְכִים לְרַגֵּל אֶת־הָאָרֶץ בָּאוּ שָׁמָּה
לָקְחוּ אֶת־הַפֶּסֶל וְאֶת־הָאֵפוֹד וְאֶת־הַתְּרָפִים וְאֶת־הַמַּסֵּכָה
וְהַכֹּהֵן נִצָּב פֶּתַח הַשַּׁעַר וְשֵׁשׁ־מֵאוֹת הָאִישׁ הֶחָגוּר כְּלֵי
יח הַמִּלְחָמָה׃ וְאֵלֶּה בָּאוּ בֵּית מִיכָה וַיִּקְחוּ אֶת־פֶּסֶל הָאֵפוֹד
וְאֶת־הַתְּרָפִים וְאֶת־הַמַּסֵּכָה וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם הַכֹּהֵן מָה אַתֶּם
יט עֹשִׂים׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ הַחֲרֵשׁ שִׂים־יָדְךָ עַל־פִּיךָ וְלֵךְ עִמָּנוּ
וֶהְיֵה־לָנוּ לְאָב וּלְכֹהֵן הֲטוֹב ׀ הֱיוֹתְךָ כֹהֵן לְבֵית אִישׁ
כ אֶחָד אוֹ הֱיוֹתְךָ כֹהֵן לְשֵׁבֶט וּלְמִשְׁפָּחָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיִּיטַב
לֵב הַכֹּהֵן וַיִּקַּח אֶת־הָאֵפוֹד וְאֶת־הַתְּרָפִים וְאֶת־הַפָּסֶל
כא וַיָּבֹא בְּקֶרֶב הָעָם׃ וַיִּפְנוּ וַיֵּלֵכוּ וַיָּשִׂימוּ אֶת־הַטַּף וְאֶת־
כב הַמִּקְנֶה וְאֶת־הַכְּבוּדָּה לִפְנֵיהֶם׃ הֵמָּה הִרְחִיקוּ מִבֵּית
מִיכָה וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר בַּבָּתִּים אֲשֶׁר עִם־בֵּית מִיכָה נִזְעֲקוּ
כג וַיַּדְבִּיקוּ אֶת־בְּנֵי־דָן׃ וַיִּקְרְאוּ אֶל־בְּנֵי־דָן וַיַּסֵּבּוּ פְּנֵיהֶם
כד וַיֹּאמְרוּ לְמִיכָה מַה־לְּךָ כִּי נִזְעָקְתָּ׃ וַיֹּאמֶר אֶת־אֱלֹהַי
אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי לְקַחְתֶּם וְאֶת־הַכֹּהֵן וַתֵּלְכוּ וּמַה־לִּי עוֹד וּמַה־
כה זֶּה תֹּאמְרוּ אֵלַי מַה־לָּךְ׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו בְּנֵי־דָן אַל־תַּשְׁמַע
קוֹלְךָ עִמָּנוּ פֶּן־יִפְגְּעוּ בָכֶם אֲנָשִׁים מָרֵי נֶפֶשׁ וְאָסַפְתָּה
כו נַפְשְׁךָ וְנֶפֶשׁ בֵּיתֶךָ׃ וַיֵּלְכוּ בְנֵי־דָן לְדַרְכָּם וַיַּרְא מִיכָה
כז כִּי־חֲזָקִים הֵמָּה מִמֶּנּוּ וַיִּפֶן וַיָּשָׁב אֶל־בֵּיתוֹ׃ וְהֵמָּה לָקְחוּ

כא׳ שורק ת׳ קבוץ

[א] לאַגער פון דָן.

אֶת אֲשֶׁר־עָשָׂה מִיכָה וְאֶת־הַכֹּהֵן אֲשֶׁר הָיָה־לוֹ וַיָּבֹאוּ עַל־
לַיִשׁ עַל־עַם שֹׁקֵט וּבֹטֵחַ וַיַּכּוּ אוֹתָם לְפִי־חָרֶב וְאֶת־הָעִיר
כח שָׂרְפוּ בָאֵשׁ׃ וְאֵין מַצִּיל כִּי רְחוֹקָה־הִיא מִצִּידוֹן וְדָבָר
אֵין־לָהֶם עִם־אָדָם וְהִיא בָּעֵמֶק אֲשֶׁר לְבֵית־רְחוֹב וַיִּבְנוּ
כט אֶת־הָעִיר וַיֵּשְׁבוּ בָהּ׃ וַיִּקְרְאוּ שֵׁם־הָעִיר דָּן בְּשֵׁם דָּן
אֲבִיהֶם אֲשֶׁר יוּלַּד לְיִשְׂרָאֵל וְאוּלָם לַיִשׁ שֵׁם־הָעִיר
ל לָרִאשֹׁנָה׃ וַיָּקִימוּ לָהֶם בְּנֵי־דָן אֶת־הַפָּסֶל וִיהוֹנָתָן בֶּן־
גֵּרְשֹׁם בֶּן־מְנַשֶּׁה הוּא וּבָנָיו הָיוּ כֹהֲנִים לְשֵׁבֶט הַדָּנִי עַד־
לא יוֹם גְּלוֹת הָאָרֶץ׃ וַיָּשִׂימוּ לָהֶם אֶת־פֶּסֶל מִיכָה אֲשֶׁר
עָשָׂה כָּל־יְמֵי הֱיוֹת בֵּית־הָאֱלֹהִים בְּשִׁלֹה׃

יט

א וַיְהִי בַּיָּמִים הָהֵם וּמֶלֶךְ אֵין בְּיִשְׂרָאֵל וַיְהִי ׀ אִישׁ לֵוִי
גָּר בְּיַרְכְּתֵי הַר־אֶפְרַיִם וַיִּקַּח־לוֹ אִשָּׁה פִילֶגֶשׁ מִבֵּית
ב לֶחֶם יְהוּדָה׃ וַתִּזְנֶה עָלָיו פִּילַגְשׁוֹ וַתֵּלֶךְ מֵאִתּוֹ אֶל־בֵּית
אָבִיהָ אֶל־בֵּית לֶחֶם יְהוּדָה וַתְּהִי־שָׁם יָמִים אַרְבָּעָה
ג חֳדָשִׁים׃ וַיָּקָם אִישָׁהּ וַיֵּלֶךְ אַחֲרֶיהָ לְדַבֵּר עַל־לִבָּהּ
לַהֲשִׁיבוֹ וְנַעֲרוֹ עִמּוֹ וְצֶמֶד חֲמֹרִים וַתְּבִיאֵהוּ בֵּית אָבִיהָ
ד וַיִּרְאֵהוּ אֲבִי הַנַּעֲרָה וַיִּשְׂמַח לִקְרָאתוֹ׃ וַיֶּחֱזַק־בּוֹ חֹתְנוֹ
אֲבִי הַנַּעֲרָה וַיֵּשֶׁב אִתּוֹ שְׁלֹשֶׁת יָמִים וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ וַיָּלִינוּ
ה שָׁם׃ וַיְהִי בַּיּוֹם הָרְבִיעִי וַיַּשְׁכִּימוּ בַבֹּקֶר וַיָּקָם לָלֶכֶת
וַיֹּאמֶר אֲבִי הַנַּעֲרָה אֶל־חֲתָנוֹ סְעָד לִבְּךָ פַּת־לֶחֶם וְאַחַר
ו תֵּלֵכוּ׃ וַיֵּשְׁבוּ וַיֹּאכְלוּ שְׁנֵיהֶם יַחְדָּו וַיִּשְׁתּוּ וַיֹּאמֶר אֲבִי
ז הַנַּעֲרָה אֶל־הָאִישׁ הוֹאֶל־נָא וְלִין וְיִטַב לִבֶּךָ׃ וַיָּקָם הָאִישׁ
ח לָלֶכֶת וַיִּפְצַר־בּוֹ חֹתְנוֹ וַיָּשָׁב וַיָּלֶן שָׁם׃ וַיַּשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר
בַּיּוֹם הַחֲמִישִׁי לָלֶכֶת וַיֹּאמֶר ׀ אֲבִי הַנַּעֲרָה סְעָד־נָא לְבָבְךָ
ט וְהִתְמַהְמְהוּ עַד־נְטוֹת הַיּוֹם וַיֹּאכְלוּ שְׁנֵיהֶם׃ וַיָּקָם הָאִישׁ
לָלֶכֶת הוּא וּפִילַגְשׁוֹ וְנַעֲרוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ חֹתְנוֹ אֲבִי הַנַּעֲרָה

יח, כט׳ שורק ת׳ קבוץ ל׳ נ׳ תלויה יט, ג׳ להשיבה קרי ה׳ הע׳ בקמץ

27 און זיי האָבן גענומען דאָס וואָס מִיכָה האָט געמאַכט, און דעם כֹּהן וואָס ער האָט געהאַט, און זיי זײַנען געקומען אויף לַיִש, אויף אַ רואיקן און זיכערן פֿאָלק, און האָבן זיי געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד, און די שטאָט האָבן זיי פֿאַרברענט אין פֿײַער. 28 און ווער עס זאָל מציל זײַן איז ניט געווען, וואָרום זי איז געווען ווײַט פֿון צידון, און קיין פֿאַרקער מיט אַ מענטשן האָבן זיי ניט געהאַט; און זי איז געווען אין טאָל וואָס בײַ בֵּית־רחוב.

און זיי האָבן אָפּגעבויט די שטאָט, און האָבן זיך אין איר באַזעצט. 29 און זיי האָבן גערופֿן דעם נאָמען פֿון דער שטאָט דָן, נאָך דעם נאָמען פֿון זייער פֿאָטער דָן וואָס איז געבאָרן געווען בײַ ישׂראלן; אָבער לַיִש איז געווען דער נאָמען פֿון דער שטאָט צוערשט.

30 און די קינדער פֿון דָן האָבן זיך אויפֿגעשטעלט דאָס געשניצטע בילד, און יהוֹנָתָן דער זון פֿון גֵּרשום דעם זון פֿון מנשהן, ער און זײַנע זין, זײַנען געווען כֹּהנים בײַם שבט דָן, ביזן טאָג פֿון דעם גלות פֿון לאַנד. 31 און זיי האָבן געהאַלטן אויפֿגעשטעלט בײַ זיך דאָס געשניצטע בילד וואָס מִיכָה האָט געמאַכט, אַלע טעג וואָס דאָס הויז פֿון גאָט איז געווען אין שילו.

יט

1 און עס איז געווען אין יענע טעג, ווען קיין מלך איז ניט געווען אין ישׂראל, האָט אַ מאַן אַ לֵוִי געוווינט אין עק געבערג פֿון אפֿרים, און ער האָט זיך גענומען אַ קעפּסווײַב פֿון בֵּית־לֶחֶם־יהודה. 2 און זײַן קעפּסווײַב איז אים געוואָרן אומטרײַ, און איז אַוועקגעגאַנגען פֿון אים צו איר פֿאָטערס הויז קיין בֵּית־לֶחֶם־יהודה, און איז דאָרטן אָפּגעווען פֿיר חדשים צײַט. 3 איז אויפֿגעשטאַנען איר מאַן, און איז געגאַנגען נאָך איר, צו רעדן צו איר האַרצן, כּדי זי אומצוקערן; און מיט אים איז געווען זײַן יונג און אַ פּאָר אייזלען. און זי האָט אים אַרײַנגעבראַכט אין איר פֿאָטערס הויז; און ווי דער פֿאָטער פֿון דער יונגער פֿרוי האָט אים דערזען, אַזוי האָט ער זיך געפֿרייט אַנטקעגן אים. 4 און זײַן שווער, דער פֿאָטער פֿון דער יונגער פֿרוי, האָט אים פֿאַרהאַלטן, און ער איז בײַ אים געזעסן דרײַ טעג; און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, און האָבן דאָרטן גענעכטיקט.

5 און עס איז געווען אויפֿן פֿירטן טאָג, האָבן זיי זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי, און ער איז אויפֿגעשטאַנען צו גיין. האָט דער פֿאָטער פֿון דער יונגער פֿרוי געזאָגט צו זײַן איידעם: לען אונטער דײַן האַרץ מיט אַ שטיקל ברויט, און דערנאָך וועט איר גיין. 6 האָבן זיי זיך געזעצט, און האָבן בײדע אין אײנעם געגעסן און געטרונקען, און דער פֿאָטער פֿון דער יונגער פֿרוי האָט געזאָגט צו דעם מאַן: באַוויליק, איך בעט דיך, און נעכטיק איבער, און לאָז ווױלגיין דײַן האַרץ. 7 און דער מאַן איז אויפֿגעשטאַנען צו גיין, אָבער זײַן שווער איז צוגעשטאַנען צו אים, און ער האָט ווידער דאָרטן גענעכטיקט. 8 און ווי ער האָט זיך געפֿעדערט אין דער פֿרי אויפֿן פֿינפֿטן טאָג צו גיין, אַזוי האָט דער פֿאָטער פֿון דער יונגער פֿרוי געזאָגט: לען אונטער, איך בעט דיך, דײַן האַרץ, און פֿאַרווײַלט ביז דער טאָג נייגט זיך; און זיי האָבן בײדע געגעסן.

9 און דער מאַן איז אויפֿגעשטאַנען צו גיין, ער און זײַן קעפּסווײַב און זײַן יונג; אָבער זײַן שווער, דער פֿאָטער פֿון דער

יונגער פרוי, האָט צו אים געזאָגט: זע נאָר, דער טאָג פאַר־גייט צום אָוונט; נעכטיקט איבער, איך בעט דיך; אָט זעצט זיך דער טאָג, נעכטיק דאָ, און לאָז ווילגיין דיין האַרץ, און מאָרגן וועט איר זיך פעדערן אויף אַייער וועג, און וועסט גיין צו דיין געצעלט. [10] אָבער דער מאַן האָט ניט געוואָלט נעכטיקן, און ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק, און ער איז געקומען ביז אַקעגן יבוס—דאָס איז ירושלַיִם—און מיט אים אַ פאָר געזאָטלטע אייזלען, און זיין קעפסווייב מיט אים.

[11] אַז זיי זיינען געווען ביי יבוס, איז דער טאָג שוין געווען זייער גענידערט, און דער יונג האָט געזאָגט צו זיין האַר: קום, איך בעט דיך, און לאָמיר אַיינקערן אין דער־דאָזיקער שטאָט פון דעם יבוסי, און נעכטיקן אין איר. [12] האָט זיין האַר צו אים געזאָגט: מיר וועלן ניט אַיינקערן אין אַ שטאָט פון פרעמדע, וואָס איז ניט פון די קינדער פון ישׂראל; לאָמיר אַריבערגיין ביז גִבעָה. [13] און ער האָט געזאָגט צו זיין יונג: קום, און לאָמיר גענענען צו איינעם פון די ערטער, און מיר וועלן נעכטיקן אין גִבעָה אָדער אין רָמָה.

[14] זיינען זיי ווייטער געגאַנגען און זיינען אַוועק; און די זון איז זיי אונטערגעגאַנגען ביי גִבעָה וואָס געהערט צו בנימין. [15] און זיי האָבן פאַרקערט אַהין, כדי אַריינצוגיין נעכטיקן אין גִבעָה. און ער איז אַריינגעגאַנגען, און האָט זיך געזעצט אין מאַרק פון שטאָט, אָבער קיין מענטש האָט זיי ניט אַריינגענומען אין הויז נעכטיקן. [16] ערשט אַן אַלטער מאַן קומט אָן פון זיין אַרבעט אין פעלד, אין אָוונט; און דער מאַן איז געווען פון דעם געבערג פון אפרים, נאָר ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין גִבעָה; און די מענטשן פון דעם אָרט זיינען געווען בנימינער. [17] און ווי ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן, און האָט דערזען דעם מאַן דעם דורכגייער אויפן מאַרק פון שטאָט, אַזוי האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט: וווהין גייסטו? און פון וואַנען קומסטו? [18] האָט ער צו אים געזאָגט: מיר גייען אַריבער פון בֵית־לֶחֶם־יהודה צום עק געבערג פון אפרים. איך בין פון דאָרטן, און איך בין געגאַנגען קיין בֵית־לֶחֶם־יהודה, און צו גאָטס הויז גיי איך, און קיין מענטש נעמט מיך ניט אַריין אין הויז. [19] און פאַראַן אי שטרוי אי פוטער פאַר אונדזערע אייזלען, און פאַראַן אויך ברויט און וויין פאַר מיר, און פאַר דיין דינסט, און פאַר דעם יונג וואָס מיט דיינע קנעכט; עס פעלט ניט קיין זאַך. [20] האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט: פריד צו דיר! אַלע דיינע באַדערפענישן זאָלן נאָר זיין אויף מיר; נאָר אויפן מאַרק זאָלסטו ניט נעכטיקן.

[21] און ער האָט אים געבראַכט אין זיין הויז, און האָט פאַרמישט פוטער פאַר די אייזלען; און זיי האָבן געוואַשן זייערע פיס, און האָבן געגעסן און געטרונקען.

[22] זיי טוען אַזוי וווּל זייער האַרץ, ערשט די מענטשן פון שטאָט, מענטשן נידערטרעכטיקע יונגען, האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז, קלאַפנדיק אויף דער טיר, און זיי האָבן געזאָגט צו דעם אַלטן מאַן דעם באַלעבאָס, אַזוי צו זאָגן: ברענג אַרויס דעם מאַן וואָס איז געקומען אין דיין הויז, כדי מיר זאָלן אים דערקענען. [23] איז אַרויסגעגאַנגען צו זיי דער מאַן דער באַלעבאָס, און האָט צו זיי געזאָגט: ניט, ברידער! איר זאָלט ניט טאָן קיין

הִנֵּה־נָא רָפָה הַיּוֹם לַעֲרוֹב לִינוּ־נָא הִנֵּה חֲנוֹת הַיּוֹם לִין
פֹּה וְיִיטַב לְבָבֶךָ וְהִשְׁכַּמְתֶּם מָחָר לְדַרְכְּכֶם וְהָלַכְתָּ
י לְאֹהָלֶךָ׃ וְלֹא־אָבָה הָאִישׁ לָלוּן וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ וַיָּבֹא עַד־
נֹכַח יְבוּס הִיא יְרוּשָׁלִָם וְעִמּוֹ צֶמֶד חֲמוֹרִים חֲבוּשִׁים
יא וּפִילַגְשׁוֹ עִמּוֹ׃ הֵם עִם־יְבוּס וְהַיּוֹם רַד מְאֹד וַיֹּאמֶר הַנַּעַר
אֶל־אֲדֹנָיו לְכָה־נָּא וְנָסוּרָה אֶל־עִיר־הַיְבוּסִי הַזֹּאת וְנָלִין
יב בָּהּ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲדֹנָיו לֹא נָסוּר אֶל־עִיר נָכְרִי אֲשֶׁר
יג לֹא־מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵנָּה וְעָבַרְנוּ עַד־גִּבְעָה׃ וַיֹּאמֶר לְנַעֲרוֹ
לְךָ וְנִקְרְבָה בְּאַחַד הַמְּקֹמוֹת וְלַנּוּ בַגִּבְעָה אוֹ בָרָמָה׃
יד וַיַּעַבְרוּ וַיֵּלֵכוּ וַתָּבֹא לָהֶם הַשֶּׁמֶשׁ אֵצֶל הַגִּבְעָה אֲשֶׁר
טו לְבִנְיָמִן׃ וַיָּסֻרוּ שָׁם לָבוֹא לָלוּן בַּגִּבְעָה וַיָּבֹא וַיֵּשֶׁב בִּרְחוֹב
טז הָעִיר וְאֵין אִישׁ מְאַסֵּף־אוֹתָם הַבַּיְתָה לָלוּן׃ וְהִנֵּה׀ אִישׁ
זָקֵן בָּא מִן־מַעֲשֵׂהוּ מִן־הַשָּׂדֶה בָּעֶרֶב וְהָאִישׁ מֵהַר אֶפְרַיִם
יז וְהוּא־גָר בַּגִּבְעָה וְאַנְשֵׁי הַמָּקוֹם בְּנֵי יְמִינִי׃ וַיִּשָּׂא עֵינָיו
וַיַּרְא אֶת־הָאִישׁ הָאֹרֵחַ בִּרְחֹב הָעִיר וַיֹּאמֶר הָאִישׁ הַזָּקֵן
יח אָנָה תֵלֵךְ וּמֵאַיִן תָּבוֹא׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו עֹבְרִים אֲנַחְנוּ מִבֵּית־
לֶחֶם יְהוּדָה עַד־יַרְכְּתֵי הַר־אֶפְרַיִם מִשָּׁם אָנֹכִי וָאֵלֵךְ עַד־
בֵּית־לֶחֶם יְהוּדָה וְאֶת־בֵּית יְהוָה אֲנִי הֹלֵךְ וְאֵין אִישׁ מְאַסֵּף
יט אוֹתִי הַבָּיְתָה׃ וְגַם־תֶּבֶן גַּם־מִסְפּוֹא יֵשׁ לַחֲמוֹרֵינוּ וְגַם
לֶחֶם וָיַיִן יֶשׁ־לִי וְלַאֲמָתֶךָ וְלַנַּעַר עִם־עֲבָדֶיךָ אֵין מַחְסוֹר
כ כָּל־דָּבָר׃ וַיֹּאמֶר הָאִישׁ הַזָּקֵן שָׁלוֹם לָךְ רַק כָּל־מַחְסוֹרְךָ
כא עָלָי רַק בָּרְחוֹב אַל־תָּלַן׃ וַיְבִיאֵהוּ לְבֵיתוֹ וַיָּבָול לַחֲמוֹרִים
כב וַיִּרְחֲצוּ רַגְלֵיהֶם וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ׃ הֵמָּה מֵיטִיבִים אֶת־לִבָּם
וְהִנֵּה אַנְשֵׁי הָעִיר אַנְשֵׁי בְנֵי־בְלִיַּעַל נָסַבּוּ אֶת־הַבַּיִת
מִתְדַּפְּקִים עַל־הַדָּלֶת וַיֹּאמְרוּ אֶל־הָאִישׁ בַּעַל הַבַּיִת הַזָּקֵן
כג לֵאמֹר הוֹצֵא אֶת־הָאִישׁ אֲשֶׁר־בָּא אֶל־בֵּיתְךָ וְנֵדָעֶנּוּ׃ וַיֵּצֵא
אֲלֵיהֶם הָאִישׁ בַּעַל הַבַּיִת וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַל־אַחַי אַל־

יג׳ חסר ה׳ כא׳ ויבל קרי

תֵּרְעוּ נָא אַחֲרֵי אֲשֶׁר־בָּא הָאִישׁ הַזֶּה אֶל־בֵּיתִי אַל־תַּעֲשׂוּ
אֶת־הַנְּבָלָה הַזֹּאת׃ הִנֵּה בִתִּי הַבְּתוּלָה וּפִילַגְשֵׁהוּ אוֹצִיאָה־ כד
נָּא אוֹתָם וְעַנּוּ אוֹתָם וַעֲשׂוּ לָהֶם הַטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם וְלָאִישׁ
הַזֶּה לֹא תַעֲשׂוּ דְּבַר הַנְּבָלָה הַזֹּאת׃ וְלֹא־אָבוּ הָאֲנָשִׁים כה
לִשְׁמֹעַ לוֹ וַיַּחֲזֵק הָאִישׁ בְּפִילַגְשׁוֹ וַיֹּצֵא אֲלֵיהֶם הַחוּץ
וַיֵּדְעוּ אוֹתָהּ וַיִּתְעַלְּלוּ־בָהּ כָּל־הַלַּיְלָה עַד־הַבֹּקֶר וַיְשַׁלְּחוּהָ
בַּעֲלוֹת הַשָּׁחַר׃ וַתָּבֹא הָאִשָּׁה לִפְנוֹת הַבֹּקֶר וַתִּפֹּל כו
פֶּתַח בֵּית־הָאִישׁ אֲשֶׁר־אֲדוֹנֶיהָ שָּׁם עַד־הָאוֹר׃ וַיָּקָם כז
אֲדֹנֶיהָ בַּבֹּקֶר וַיִּפְתַּח דַּלְתוֹת הַבַּיִת וַיֵּצֵא לָלֶכֶת לְדַרְכּוֹ
וְהִנֵּה הָאִשָּׁה פִילַגְשׁוֹ נֹפֶלֶת פֶּתַח הַבַּיִת וְיָדֶיהָ עַל־הַסַּף׃
וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ קוּמִי וְנֵלֵכָה וְאֵין עֹנֶה וַיִּקָּחֶהָ עַל־הַחֲמוֹר כח
וַיָּקָם הָאִישׁ וַיֵּלֶךְ לִמְקֹמוֹ׃ וַיָּבֹא אֶל־בֵּיתוֹ וַיִּקַּח אֶת־ כט
הַמַּאֲכֶלֶת וַיַּחֲזֵק בְּפִילַגְשׁוֹ וַיְנַתְּחֶהָ לַעֲצָמֶיהָ לִשְׁנֵים עָשָׂר
נְתָחִים וַיְשַׁלְּחֶהָ בְּכֹל גְּבוּל יִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה כָל־הָרֹאֶה ל
וְאָמַר לֹא־נִהְיְתָה וְלֹא־נִרְאֲתָה כָּזֹאת לְמִיּוֹם עֲלוֹת בְּנֵי־
יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם עַד הַיּוֹם הַזֶּה שִׂימוּ־לָכֶם עָלֶיהָ
עֻצוּ וְדַבֵּרוּ׃

כ

וַיֵּצְאוּ כָּל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַתִּקָּהֵל הָעֵדָה כְּאִישׁ אֶחָד לְמִדָּן א
וְעַד־בְּאֵר שֶׁבַע וְאֶרֶץ הַגִּלְעָד אֶל־יְהוָה הַמִּצְפָּה׃ וַיִּתְיַצְּבוּ ב
פִּנּוֹת כָּל־הָעָם כֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל בִּקְהַל עַם הָאֱלֹהִים
אַרְבַּע מֵאוֹת אֶלֶף אִישׁ רַגְלִי שֹׁלֵף חָרֶב׃ וַיִּשְׁמְעוּ ג
בְּנֵי בִנְיָמִן כִּי־עָלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הַמִּצְפָּה וַיֹּאמְרוּ בְּנֵי
יִשְׂרָאֵל דַּבְּרוּ אֵיכָה נִהְיְתָה הָרָעָה הַזֹּאת׃ וַיַּעַן הָאִישׁ ד
הַלֵּוִי אִישׁ הָאִשָּׁה הַנִּרְצָחָה וַיֹּאמַר הַגִּבְעָתָה אֲשֶׁר לְבִנְיָמִן
בָּאתִי אֲנִי וּפִילַגְשִׁי לָלוּן׃ וַיָּקֻמוּ עָלַי בַּעֲלֵי הַגִּבְעָה ה
וַיָּסֹבּוּ עָלַי אֶת־הַבַּיִת לָיְלָה אוֹתִי דִּמּוּ לַהֲרֹג וְאֶת־פִּילַגְשִׁי

יט, כה׳ כעלות ק   כז׳ פתח בס״פ   כ, ב׳ כציל

ביז, איך בעט אײַך, נאָכדעם אַז דערדאָזיקער מאַן איז געקומען אין מײַן הויז; איר זאָלט ניט טאָן דידאָזיקע נבָלה. 24 אָט איז מײַן טאָכטער די יונגפרוי, און זײַן קעפּסווײַב; לאָמיך, איך בעט אײַך, זײ אַרויסברענגען, און פּײַניקט זײ, און טוט צו זײ וואָס איז גוט אין אײַערע אויגן, נאָר דעמדאָזיקן מאַן זאָלט איר ניט טאָן דידאָזיקע שענדלעכע זאַך.

25 אָבער די מענטשן האָבן ניט געוואָלט צוהערן צו אים. האָט דער מאַן אָנגענומען זײַן קעפּסווײַב, און אַרויסגעבראַכט צו זײ דערויסן; און זײ האָבן זי דערקענט, און האָבן זי געמאַטערט אַ גאַנצע נאַכט ביז באַגינען, און זי אַוועקגעלאָזט ווען דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען. 26 און די פרוי איז געקומען אין אָנהײב באַגינען, און איז אַנידערגעפאַלן און געלעגן אין אײַנגאַנג פון דעם מאַנס הויז וואָס איר האַר איז דאָרטן געווען, ביז עס איז געוואָרן ליכטיק.

27 און איר האַר איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, און האָט געעפנט די טירן פון הויז, און איז אַרויס צו גײן אויף זײַן וועג, ערשט די פרוי, זײַן קעפּסווײַב, ליגט אַנידערגעפאַלן אין אײַנגאַנג פון הויז מיט אירע הענט אויפן שוועל. 28 האָט ער צו איר געזאָגט: שטײ אויף, און לאָמיר גײן; אָבער קײנער ענטפערט ניט. האָט ער זי אַרויפגענומען אויפן אײזל; און דער מאַן איז אויפגעשטאַנען, און איז אַוועק צו זײַן הײם.

29 און ער איז געקומען אין זײַן הויז, און האָט גענומען דעם שלאַכטמעסער, און האָט אָנגענומען זײַן קעפּסווײַב, און האָט זי צעשניטן אויף אירע גלידער, אין צוועלף שטיקער, און האָט זי פאַנאַנדערגעשיקט אין גאַנצן געמאַרק פון ישראל. 30 און עס איז געווען, איטלעכער וואָס האָט עס געזען, האָט געזאָגט: אַזוי־וואָס איז ניט געשען און ניט געזען געוואָרן פון דעם טאָג וואָס די קינדער פון ישראל זײַנען אַרויפגעגאַנגען פון לאַנד מִצרַיִם ביז אויף הײַנטיקן טאָג. באַטראַכט אײַך וועגן דעם, האַלט אַן עצה, און רעדט!

כ 1 זײַנען אַרויסגעגאַנגען אַלע קינדער פון ישראל, און די גאַנצע עדה ווי אײן מאַן, פון דָן און ביז באֵר־שֶׁבַע און לאַנד גִלעָד, האָט זיך אײַנגעזאַמלט צו גאָט קײן מִצפָּה. 2 און די פאָרשטײער פון גאַנצן פאָלק, פון אַלע שבטים פון ישראל, האָבן זיך געשטעלט אין דער אײַנזאַמלונג פון גאָטס פאָלק, פיר הונדערט טויזנט פוסגײער וואָס ציִען אַ שווערד.— 3 און די קינדער פון בנימין האָבן געהערט אַז די קינדער פון ישראל זײַנען אַרויפגעגאַנגען קײן מִצפָּה.— און די קינדער פון ישראל האָבן געזאָגט: דערצײלט, ווי אַזוי איז געשען דאָסדאָזיקע בײז.

4 האָט זיך אָפּגערופן דער מאַן דער לֵוִי, דער מאַן פון דער דערהרגעטער פרוי, און האָט געזאָגט: קײן גִבעָה וואָס געהערט צו בנימין, בין איך געקומען, איך און מײַן קעפּסווײַב, צו נעכטיקן. 5 זײַנען אויפגעשטאַנען אויף מיר די מענער פון גִבעָה, און האָבן אַרומגערינגלט דאָס הויז אַרום מיר בײ נאַכט; מיך האָבן זײ געטראַכט צו הרגען, און מײַן קעפּסווײַב

האָבן זײ געפּײניקט ביז זי איז געשטאָרבן. [6] האָב איך
אָנגענומען מײן קעפּסװײַב, און האָב זי צעשניטן, און האָב
זי פֿאַנאַנדערגעשיקט אין גאַנצן פֿעלד פֿון דער נחלה פֿון
ישׂראל, װאָרום זײ האָבן געטאָן אַ שענדלעכקײט און אַ
נבָלה אין ישׂראל. [7] אָט זײט איר אַלע, קינדער פֿון
ישׂראל, גיט אַהער אײַער באַשײד און עצה.

[8] האָט זיך אױפֿגעהױבן דאָס גאַנצע פֿאָלק װי אײן
מאַן, אַזױ צו זאָגן: מיר װעלן ניט גײן קײנער צו זײן געצעלט, און מיר װעלן ניט אײַנקערן קײנער אין זײן הױז!
[9] און אַצונד איז דאָס די זאַך װאָס מיר װעלן טאָן צו גִבעָה:
גײן אױף איר לױט גורל. [10] און מיר װעלן נעמען צען
מאַן פֿון הונדערט, פֿון אַלע שבטים פֿון ישׂראל, און
הונדערט פֿון טױזנט, און טױזנט פֿון צען טױזנט, אױף צו
ברענגען שפּײַז פֿאַרן פֿאָלק, כּדי זײ זאָלן טאָן, אַז זײ
קומען צו גֶבַע־בנימין, לױט דער גאַנצער נבָלה װאָס זי
האָט געטאָן אין ישׂראל.

[11] און אַלע מענער פֿון ישׂראל האָבן זיך אײַנגעזאַמלט אױף דער שטאָט, באַהעפֿט װי אײן מאַן. [12] און
די שבטים פֿון ישׂראל האָבן געשיקט מענטשן דורכן גאַנצן
שבט בנימין, אַזױ צו זאָגן: װאָס פֿאַר אַ בײז איז דאָ געשען
צװישן אײַך? [13] און אַצונד גיט אַרױס די מענטשן, די
נידערטרעכטיקע יונגען, װאָס אין גִבעָה, און מיר װעלן
זײ טײטן, און אױסראַמען דאָס בײז פֿון ישׂראל.
אָבער די קינדער פֿון בנימין האָבן ניט געװאָלט צוהערן צו דעם קָול פֿון זײערע ברידער, די קינדער פֿון
ישׂראל. [14] און די קינדער פֿון בנימין האָבן זיך אײַנגעזאַמלט פֿון די שטעט קײן גִבעָה, כּדי אַרױסצוגײן אױף
מלחמה מיט די קינדער פֿון ישׂראל. [15] און די קינדער פֿון בנימין האָבן אין יענעם טאָג זיך געצײלט פֿון די שטעט זעקס
און צװאַנציק טױזנט מאַן װאָס ציען אַ שװערד, אַחוץ די באַװױנער פֿון גִבעָה װאָס האָבן זיך געצײלט זיבן הונדערט
געקליבענע מענער. [16] דאָסדאָזיקע גאַנצע פֿאָלק, זיבן הונדערט געקליבענע מענער, זײנען געװען געלינקטע.
איטלעכער פֿון די האָט געװאָרפֿן אַ שטײן אין אַ האָר, און ניט פֿאַרפֿעלט.
[17] און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן זיך געצײלט אַחוץ בנימין פֿיר הונדערט טױזנט מאַן װאָס ציען אַ שװערד; אַלע
דידאָזיקע, מלחמה־לײט. [18] און זײ זײנען אױפֿגעשטאַנען, און זײנען אַרױפֿגעגאַנגען קײן בֵית־אֵל, און האָבן געפֿרעגט בײ
גאָט. און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן געזאָגט: װער זאָל אונדז אַרױפֿגײן צוערשט אױף מלחמה מיט די קינדער פֿון
בנימין? האָט גאָט געזאָגט: יהודה צוערשט.
[19] זײנען אױפֿגעשטאַנען די קינדער פֿון ישׂראל אין דער פֿרי, און זײ האָבן געלעגערט אױף גִבעָה. [20] און די מענער
פֿון ישׂראל זײנען אַרױסגעגאַנגען אױף מלחמה מיט בנימין; און די מענער פֿון ישׂראל האָבן אָנגעריכט אַ מלחמה מיט זײ בײ
גִבעָה. [21] זײנען די קינדער פֿון בנימין אַרױסגעגאַנגען פֿון גִבעָה, און זײ האָבן אומגעבראַכט פֿון ישׂראל אין יענעם טאָג צװײ

ו עִנּוּ וַתָּמֹת׃ וָאֹחֵז בְּפִילַגְשִׁי וָאֲנַתְּחֶהָ וָאֲשַׁלְּחֶהָ בְּכָל־
ז שְׂדֵה נַחֲלַת יִשְׂרָאֵל כִּי עָשׂוּ זִמָּה וּנְבָלָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ הִנֵּה
ח כֻלְּכֶם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָבוּ לָכֶם דָּבָר וְעֵצָה הֲלֹם׃ וַיָּקָם
כָּל־הָעָם כְּאִישׁ אֶחָד לֵאמֹר לֹא נֵלֵךְ אִישׁ לְאָהֳלוֹ וְלֹא
ט נָסוּר אִישׁ לְבֵיתוֹ׃ וְעַתָּה זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר נַעֲשֶׂה לַגִּבְעָה
י עָלֶיהָ בְּגוֹרָל׃ וְלָקַחְנוּ עֲשָׂרָה אֲנָשִׁים לַמֵּאָה לְכֹל ׀ שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל וּמֵאָה לָאֶלֶף וְאֶלֶף לָרְבָבָה לָקַחַת צֵדָה לָעָם
לַעֲשׂוֹת לְבוֹאָם לְגֶבַע בִּנְיָמִן כְּכָל־הַנְּבָלָה אֲשֶׁר עָשָׂה
יא בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּאָסֵף כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל אֶל־הָעִיר כְּאִישׁ אֶחָד
יב חֲבֵרִים׃ וַיִּשְׁלְחוּ שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אֲנָשִׁים בְּכָל־שִׁבְטֵי
יג בִנְיָמִן לֵאמֹר מָה הָרָעָה הַזֹּאת אֲשֶׁר נִהְיְתָה בָּכֶם׃ וְעַתָּה
תְּנוּ אֶת־הָאֲנָשִׁים בְּנֵי־בְלִיַּעַל אֲשֶׁר בַּגִּבְעָה וּנְמִיתֵם
וּנְבַעֲרָה רָעָה מִיִּשְׂרָאֵל וְלֹא אָבוּ * בִּנְיָמִן לִשְׁמֹעַ בְּקוֹל
יד אֲחֵיהֶם בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּאָסְפוּ בְנֵי־בִנְיָמִן מִן־הֶעָרִים
טו הַגִּבְעָתָה לָצֵאת לַמִּלְחָמָה עִם־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּתְפָּקְדוּ
בְנֵי בִנְיָמִן בַּיּוֹם הַהוּא מֵהֶעָרִים עֶשְׂרִים וְשִׁשָּׁה אֶלֶף אִישׁ
שֹׁלֵף חָרֶב לְבַד מִיֹּשְׁבֵי הַגִּבְעָה הִתְפָּקְדוּ שְׁבַע מֵאוֹת
טז אִישׁ בָּחוּר׃ מִכֹּל ׀ הָעָם הַזֶּה שְׁבַע מֵאוֹת אִישׁ בָּחוּר
אִטֵּר יַד־יְמִינוֹ כָּל־זֶה קֹלֵעַ בָּאֶבֶן אֶל־הַשַּׂעֲרָה וְלֹא יַחֲטִא׃
יז וְאִישׁ יִשְׂרָאֵל הִתְפָּקְדוּ לְבַד מִבִּנְיָמִן אַרְבַּע מֵאוֹת
יח אֶלֶף אִישׁ שֹׁלֵף חָרֶב כָּל־זֶה אִישׁ מִלְחָמָה׃ וַיָּקֻמוּ וַיַּעֲלוּ
בֵית־אֵל וַיִּשְׁאֲלוּ בֵאלֹהִים וַיֹּאמְרוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִי יַעֲלֶה־
לָּנוּ בַתְּחִלָּה לַמִּלְחָמָה עִם־בְּנֵי בִנְיָמִן וַיֹּאמֶר יְהוָה יְהוּדָה
יט בַתְּחִלָּה׃ וַיָּקוּמוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּבֹּקֶר וַיַּחֲנוּ עַל־הַגִּבְעָה׃
כ וַיֵּצֵא אִישׁ יִשְׂרָאֵל לַמִּלְחָמָה עִם־בִּנְיָמִן וַיַּעַרְכוּ אִתָּם אִישׁ־
כא יִשְׂרָאֵל מִלְחָמָה אֶל־הַגִּבְעָה׃ וַיֵּצְאוּ בְנֵי־בִנְיָמִן מִן־הַגִּבְעָה
וַיַּשְׁחִיתוּ בְיִשְׂרָאֵל בַּיּוֹם הַהוּא שְׁנַיִם וְעֶשְׂרִים אֶלֶף אִישׁ

יג׳ בני קרי ולא כתיב

כב אַרְצָה: וַיִּתְחַזֵּק הָעָם אִישׁ יִשְׂרָאֵל וַיֹּסִפוּ לַעֲרֹךְ מִלְחָמָה
כג בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר־עָרְכוּ שָׁם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן: וַיַּעֲלוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
וַיִּבְכּוּ לִפְנֵי־יְהוָה עַד־הָעֶרֶב וַיִּשְׁאֲלוּ בַיהוָה לֵאמֹר הַאוֹסִיף
לָגֶשֶׁת לַמִּלְחָמָה עִם־בְּנֵי בִּנְיָמִן אָחִי וַיֹּאמֶר יְהוָה עֲלוּ
כד אֵלָיו: וַיִּקְרְבוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־בְּנֵי בִנְיָמִן בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי:
כה וַיֵּצֵא בִנְיָמִן ׀ לִקְרָאתָם ׀ מִן־הַגִּבְעָה בַּיּוֹם הַשֵּׁנִי וַיַּשְׁחִיתוּ
בִבְנֵי יִשְׂרָאֵל עוֹד שְׁמֹנַת עָשָׂר אֶלֶף אִישׁ אַרְצָה כָּל־
כו אֵלֶּה שֹׁלְפֵי חָרֶב: וַיַּעֲלוּ כָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְכָל־הָעָם וַיָּבֹאוּ
בֵית־אֵל וַיִּבְכּוּ וַיֵּשְׁבוּ שָׁם לִפְנֵי יְהוָה וַיָּצוּמוּ בַיּוֹם־הַהוּא
כז עַד־הָעָרֶב וַיַּעֲלוּ עֹלוֹת וּשְׁלָמִים לִפְנֵי יְהוָה: וַיִּשְׁאֲלוּ
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בַּיהוָה וְשָׁם אֲרוֹן בְּרִית הָאֱלֹהִים בַּיָּמִים
כח הָהֵם: וּפִינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן עֹמֵד ׀ לְפָנָיו בַּיָּמִים
הָהֵם לֵאמֹר הַאוֹסִף עוֹד לָצֵאת לַמִּלְחָמָה עִם־בְּנֵי־בִנְיָמִן
אָחִי אִם־אֶחְדָּל וַיֹּאמֶר יְהוָה עֲלוּ כִּי מָחָר אֶתְּנֶנּוּ בְיָדֶךָ:
כט ל וַיָּשֶׂם יִשְׂרָאֵל אֹרְבִים אֶל־הַגִּבְעָה סָבִיב: וַיַּעֲלוּ בְנֵי־
יִשְׂרָאֵל אֶל־בְּנֵי בִנְיָמִן בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַיַּעַרְכוּ אֶל־הַגִּבְעָה
לא כְּפַעַם בְּפָעַם: וַיֵּצְאוּ בְנֵי־בִנְיָמִן לִקְרַאת הָעָם הָנְתְּקוּ
מִן־הָעִיר וַיָּחֵלּוּ לְהַכּוֹת מֵהָעָם חֲלָלִים כְּפַעַם ׀ בְּפַעַם
בַּמְסִלּוֹת אֲשֶׁר אַחַת עֹלָה בֵית־אֵל וְאַחַת גִּבְעָתָה בַּשָּׂדֶה
לב כִּשְׁלֹשִׁים אִישׁ בְּיִשְׂרָאֵל: וַיֹּאמְרוּ בְּנֵי בִנְיָמִן נִגָּפִים הֵם
לְפָנֵינוּ כְּבָרִאשֹׁנָה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל אָמְרוּ נָנוּסָה וּנְתַקְּנֻהוּ
לג מִן־הָעִיר אֶל־הַמְסִלּוֹת: וְכֹל ׀ אִישׁ יִשְׂרָאֵל קָמוּ מִמְּקוֹמוֹ
וַיַּעַרְכוּ בְּבַעַל תָּמָר וְאֹרֵב יִשְׂרָאֵל מֵגִיחַ מִמְּקֹמוֹ מִמַּעֲרֵה־
לד גָבַע: וַיָּבֹאוּ מִנֶּגֶד לַגִּבְעָה עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים אִישׁ בָּחוּר
מִכָּל־יִשְׂרָאֵל וְהַמִּלְחָמָה כָּבֵדָה וְהֵם לֹא יָדְעוּ כִּי־נֹגַעַת
לה עֲלֵיהֶם הָרָעָה: וַיִּגֹּף יְהוָה ׀ אֶת־בִּנְיָמִן לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל
וַיַּשְׁחִיתוּ בְנֵי יִשְׂרָאֵל בְּבִנְיָמִן בַּיּוֹם הַהוּא עֶשְׂרִים וַחֲמִשָּׁה

לב׳ הק׳ דגושה   לד ס״א מנגב

און צוואַנציק טויזנט מאַן צו דער ערד. 22 אָבער דאָס פאָלק, די מענער פון ישׂראל, האָבן זיך געשטאַרקט, און זיי האָבן ווידער אָנגעריכט אַ מלחמה אין דעם אָרט וואָס זיי האָבן דאָרטן אָנגעריכט אין ערשטן טאָג.

23 און די קינדער פון ישׂראל זיינען אַרויפגעגאַנגען, און האָבן געוויינט פאַר גאָט ביז אָוונט, און זיי האָבן גע־פרעגט ביי גאָט, אַזוי צו זאָגן: זאָל איך ווידער גענענען אויף מלחמה מיט די קינדער פון מיין ברודער בנימין? האָט גאָט געזאָגט: גייט אַרויף אַקעגן אים.

24 און די קינדער פון ישׂראל האָבן גענענט צו די קינדער פון בנימין אויפן צווייטן טאָג. 25 און בנימין איז אַרויסגעגאַנגען אַקעגן זיי פון גבעה אויפן צווייטן טאָג, און זיי האָבן אומגעבראַכט פון די קינדער פון ישׂראל נאָך אַכצן טויזנט מאַן צו דער ערד; אַלע די דאָזיקע האָבן געצויגן אַ שווערד.

26 זיינען אַלע קינדער פון ישׂראל, דאָס גאַנצע פאָלק, אַרויפגעגאַנגען, און זיי זיינען געקומען קיין בית־אל, און האָבן געוויינט, און זיי זיינען געזעסן דאָרטן פאַר גאָט, און האָבן געפאַסט אין יענעם טאָג ביז אָוונט, און אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער און פרידאָפּפער פאַר גאָט. 27 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געפרעגט ביי גאָט — וואָרום דער אָרון פון גאָטס בונד איז דאָרטן געווען אין יענע טעג; 28 און פינחס דער זון פון אלעזר, דעם זון פון אהרנען איז געשטאַנען פאַר אים אין יענע טעג — אַזוי צו זאָגן: זאָל איך ווידער אַרויסגיין אויף מלחמה מיט די קינדער פון מיין ברודער בנימין, אָדער איך זאָל אויפהערן? האָט גאָט געזאָגט: גייט אַרויף, וואָרום מאָרגן וועל איך אים געבן אין דיין האַנט.

29 האָט ישׂראל געשטעלט לויערער אויף גבעה רונד אַרום. 30 און די קינדער פון ישׂראל זיינען אַרויפגעגאַנגען אַקעגן די קינדער פון בנימין אויפן דריטן טאָג, און זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אַקעגן גבעה, אַזוי ווי די פריערדיקע מאָל. 31 און די קינדער פון בנימין זיינען אַרויסגעגאַנגען אַקעגן דעם פאָלק — זיי זיינען אָפּגעצויגן געוואָרן פון שטאָט; און זיי האָבן אָנגעהויבן אַוועקלייגן פון דעם פאָלק דערשלאָגענע אַזוי ווי די פריערדיקע מאָל, אויפן פעלד, אויף די וועגן וואָס איינער גייט אַרויף קיין בית־אל, און איינער קיין גבעה, אַרום דרייסיק מאַן פון ישׂראל. 32 און די קינדער פון בנימין האָבן געזאָגט: זיי זיינען געשלאָגן פאַר אונדז אַזוי ווי צוערשט; אָבער די קינדער פון ישׂראל האָבן געזאָגט: לאָמיר אַנטלויפן און זיי אָפּציען פון שטאָט צו די וועגן. 33 און אַלע מענער פון ישׂראל זיינען אויפגעשטאַנען פון זייער אָרט, און האָבן זיך אויסגעשטעלט אין בעל־תּמר. און די לויערער פון ישׂראל זיינען אַרויסגעשפּרונגען פון זייער אָרט, פון מערה־גבע. 34 און זיי זיינען געקומען פון אַקעגן גבעה, צען טויזנט געקליבענע מענער פון גאַנץ ישׂראל, און עס איז געווען אַ שווערע מלחמה; און יענע האָבן ניט געוווּסט, אַז זיי טרעפט אַן אומגליק. 35 און גאָט האָט גע־שלאָגן בנימין פאַר ישׂראל, און די קינדער פון ישׂראל האָבן אומגעבראַכט פון בנימין אין יענעם טאָג פינף און צוואַנציק

טויזנט און הונדערט מאַן; אַלע דידאָזיקע האָבן געצויגן אַ שווערד.

36 און די קינדער פון בנימין האָבן געזען, אַז זיי זיינען געשלאָגן. און די מענער פון ישראל האָבן געלאָזט אָרט פאַר די קינדער פון בנימין, וואָרום זיי האָבן זיך פאַרזיכערט אויף די לויערער וואָס זיי האָבן געשטעלט אויף גִבעָה. 37 און די לויערער האָבן געאַיילט און זיך אַ לאָז געטאָן אויף גִבעָה, און די לויערער האָבן אַריינגעצויגן, און האָבן געשלאָגן די גאַנצע שטאָט מיטן שאַרף פון שווערד.

38 און אַן אָפּרעד איז געווען ביי די מענער פון ישראל מיט די לויערער, זיי זאָלן מאַכן אויפגיין אַ גרויס וואָלקן רויך פון שטאָט. 39 און ווי די מענער פון ישראל האָבן זיך אומגעקערט אין דער מלחמה, און בנימין האָט אָנגעהויבן אַוועקלייגן דערשלאָגענע פון די מענער פון ישראל, אַרום דרייסיק מאַן, ווייל זיי האָבן געזאָגט: פאַרוואָר, געשלאָגן איז ער געשלאָגן פאַר אונדז, אַזוי ווי אין דער ערשטער מלחמה— 40 אַזוי האָט דער וואָלקן אָנגעהויבן אויפגיין פון שטאָט, אַ זייל רויך, און בנימין האָט זיך אומגעקערט הינטער זיך, ערשט די גאַנצע שטאָט איז אויפגעגאַנגען אין רויך צום הימל. 41 און די מענער פון ישראל האָבן זיך אומגעקערט, און די מענער פון בנימין זיינען צעטומלט געוואָרן, וואָרום זיי האָבן געזען אַז אַן אומגליק האָט זיי געטראָפן. 42 און זיי האָבן זיך אַוועקגעקערט פאַר די מענער פון ישראל צום וועג פון מדבר, אָבער די מלחמה האָט זיי אָנגעיאָגט; און די וואָס פון די שטעט האָבן אים[א] אומגעבראַכט אין זיין מיט. 43 זיי האָבן אַרומגערינגלט בנימין, אים נאָכגעיאָגט, צו מנוחָה אים געטריבן, ביז קעגן גִבעָה צו זונאויפגאַנג. 44 און עס זיינען געפאַלן פון בנימין אַכצן טויזנט מאַן; אַלע דידאָזיקע, העלדישע לייט.

45 און זיי האָבן זיך פאַרקערט, און זיינען אַנטלאָפן צום מדבר, צום פעלז רִמון, אָבער יענע האָבן נאָכגעקליבן פון זיי אויף די וועגן פינף טויזנט מאַן, און זיי האָבן זיי נאָכגעיאָגט ביז גִדעוֹם, און געשלאָגן פון זיי צוויי טויזנט מאַן. 46 און אַלע וואָס זיינען געפאַלן פון בנימין אין יענעם טאָג, זיינען געווען פינף און צוואַנציק טויזנט מאַן וואָס האָבן געצויגן אַ שווערד; אַלע דידאָזיקע, העלדישע לייט. 47 אָבער זעקס הונדערט מאַן האָבן זיך פאַרקערט, און זיינען אַנטלאָפן צום מדבר, צום פעלז רִמון, און זיי זיינען געזעסן אין פעלז רמון פיר חדשים.

48 און די מענער פון ישראל האָבן זיך אומגעקערט צו די קינדער פון בנימין, און האָבן זיי געשלאָגן מיטן שאַרף פון שווערד, פון דער גאַנצער שטאָט ביז אַ בהמה, ביז אַלץ וואָס האָט זיך דאָרטן געפונען; אויך האָבן זיי אַלע שטעט וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען, אַוועקגעלאָזט אין פייער.

לו אֶלֶף וּמֵאָה אִישׁ כָּל־אֵלֶּה שֹׁלֵף חָרֶב: וַיִּרְאוּ בְנֵי־בִנְיָמִן
כִּי נִגָּפוּ וַיִּתְּנוּ אִישׁ־יִשְׂרָאֵל מָקוֹם לְבִנְיָמִן כִּי בָטְחוּ אֶל־
לז הָאֹרֵב אֲשֶׁר שָׂמוּ אֶל־הַגִּבְעָה: וְהָאֹרֵב הֵחִישׁוּ וַיִּפְשְׁטוּ
אֶל־הַגִּבְעָה וַיִּמְשֹׁךְ הָאֹרֵב וַיַּךְ אֶת־כָּל־הָעִיר לְפִי־חָרֶב:
לח וְהַמּוֹעֵד הָיָה לְאִישׁ יִשְׂרָאֵל עִם־הָאֹרֵב הֶרֶב לְהַעֲלוֹתָם
לט מַשְׂאַת הֶעָשָׁן מִן־הָעִיר: וַיַּהֲפֹךְ אִישׁ־יִשְׂרָאֵל בַּמִּלְחָמָה
וּבִנְיָמִן הֵחֵל לְהַכּוֹת חֲלָלִים בְּאִישׁ־יִשְׂרָאֵל כִּשְׁלֹשִׁים
אִישׁ כִּי אָמְרוּ אַךְ נָגוֹף נִגָּף הוּא לְפָנֵינוּ כַּמִּלְחָמָה
מ הָרִאשֹׁנָה: וְהַמַּשְׂאֵת הֵחֵלָּה לַעֲלוֹת מִן־הָעִיר עַמּוּד עָשָׁן
וַיִּפֶן בִּנְיָמִן אַחֲרָיו וְהִנֵּה עָלָה כְלִיל־הָעִיר הַשָּׁמָיְמָה:
מא וְאִישׁ יִשְׂרָאֵל הָפַךְ וַיִּבָּהֵל אִישׁ בִּנְיָמִן כִּי רָאָה כִּי־נָגְעָה
מב עָלָיו הָרָעָה: וַיִּפְנוּ לִפְנֵי אִישׁ יִשְׂרָאֵל אֶל־דֶּרֶךְ הַמִּדְבָּר
וְהַמִּלְחָמָה הִדְבִּיקָתְהוּ וַאֲשֶׁר מֵהֶעָרִים מַשְׁחִיתִים אוֹתוֹ
מג בְּתוֹכוֹ: כִּתְּרוּ אֶת־בִּנְיָמִן הִרְדִיפֻהוּ מְנוּחָה הִדְרִיכֻהוּ
מד עַד נֹכַח הַגִּבְעָה מִמִּזְרַח־שָׁמֶשׁ: וַיִּפְּלוּ מִבִּנְיָמִן שְׁמֹנָה־
מה עָשָׂר אֶלֶף אִישׁ אֶת־כָּל־אֵלֶּה אַנְשֵׁי־חָיִל: וַיִּפְנוּ וַיָּנֻסוּ
הַמִּדְבָּרָה אֶל־סֶלַע הָרִמּוֹן וַיְעֹלְלֻהוּ בַּמְסִלּוֹת חֲמֵשֶׁת
אֲלָפִים אִישׁ וַיַּדְבִּיקוּ אַחֲרָיו עַד־גִּדְעֹם וַיַּכּוּ מִמֶּנּוּ אַלְפַּיִם
מו אִישׁ: וַיְהִי כָל־הַנֹּפְלִים מִבִּנְיָמִן עֶשְׂרִים וַחֲמִשָּׁה אֶלֶף
אִישׁ שֹׁלֵף חֶרֶב בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־כָּל־אֵלֶּה אַנְשֵׁי־חָיִל:
מז וַיִּפְנוּ וַיָּנֻסוּ הַמִּדְבָּרָה אֶל־סֶלַע הָרִמּוֹן שֵׁשׁ מֵאוֹת אִישׁ
מח וַיֵּשְׁבוּ בְּסֶלַע רִמּוֹן אַרְבָּעָה חֳדָשִׁים: וְאִישׁ יִשְׂרָאֵל
שָׁבוּ אֶל־בְּנֵי בִנְיָמִן וַיַּכּוּם לְפִי־חֶרֶב מֵעִיר מְתֹם עַד־
בְּהֵמָה עַד כָּל־הַנִּמְצָא גַּם כָּל־הֶעָרִים הַנִּמְצָאוֹת
שִׁלְּחוּ בָאֵשׁ:

## כא

א וְאִישׁ יִשְׂרָאֵל נִשְׁבַּע בַּמִּצְפָּה לֵאמֹר אִישׁ מִמֶּנּוּ לֹא־יִתֵּן
ב בִּתּוֹ לְבִנְיָמִן לְאִשָּׁה: וַיָּבֹא הָעָם בֵּית־אֵל וַיֵּשְׁבוּ שָׁם עַד־

כ, מג׳ הד׳רפה

# כא

1 און די מענער פון ישראל האָבן געהאַט געשוואָרן אין מִצפָּה, אַזוי צו זאָגן: קיינער פון אונדז זאָל ניט געבן זיין טאָכטער צו בנימין פאַר אַ ווייב! 2 און דאָס פאָלק איז געקומען קיין בֵית־אֵל, און זיי זיינען דאָרטן געזעסן ביזן

[א] בנימין.

הָעֶרֶב לִפְנֵי הָאֱלֹהִים וַיִּשְׂאוּ קוֹלָם וַיִּבְכּוּ בְּכִי גָדוֹל׃
וַיֹּאמְרוּ לָמָה יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הָיְתָה־זֹּאת בְּיִשְׂרָאֵל ג
לְהִפָּקֵד הַיּוֹם מִיִּשְׂרָאֵל שֵׁבֶט אֶחָד׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת ד
וַיַּשְׁכִּימוּ הָעָם וַיִּבְנוּ־שָׁם מִזְבֵּחַ וַיַּעֲלוּ עֹלוֹת וּשְׁלָמִים׃
וַיֹּאמְרוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִי אֲשֶׁר לֹא־עָלָה בַקָּהָל מִכָּל־ ה
שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוָה כִּי הַשְּׁבוּעָה הַגְּדוֹלָה הָיְתָה
לַאֲשֶׁר לֹא־עָלָה אֶל־יְהוָה הַמִּצְפָּה לֵאמֹר מוֹת יוּמָת׃
וַיִּנָּחֲמוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־בִּנְיָמִן אָחִיו וַיֹּאמְרוּ נִגְדַּע הַיּוֹם ו
שֵׁבֶט אֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל׃ מַה־נַּעֲשֶׂה לָהֶם לַנּוֹתָרִים לְנָשִׁים ז
וַאֲנַחְנוּ נִשְׁבַּעְנוּ בַיהוָה לְבִלְתִּי תֵּת־לָהֶם מִבְּנוֹתֵינוּ
לְנָשִׁים׃ וַיֹּאמְרוּ מִי אֶחָד מִשִּׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר לֹא־ ח
עָלָה אֶל־יְהוָה הַמִּצְפָּה וְהִנֵּה לֹא בָא־אִישׁ אֶל־הַמַּחֲנֶה
מִיָּבֵישׁ גִּלְעָד אֶל־הַקָּהָל׃ וַיִּתְפָּקֵד הָעָם וְהִנֵּה אֵין־שָׁם ט
אִישׁ מִיּוֹשְׁבֵי יָבֵשׁ גִּלְעָד׃ וַיִּשְׁלְחוּ־שָׁם הָעֵדָה שְׁנֵים־ י
עָשָׂר אֶלֶף אִישׁ מִבְּנֵי הֶחָיִל וַיְצַוּוּ אוֹתָם לֵאמֹר לְכוּ
וְהִכִּיתֶם אֶת־יוֹשְׁבֵי יָבֵשׁ גִּלְעָד לְפִי־חֶרֶב וְהַנָּשִׁים וְהַטָּף׃
וְזֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּ כָּל־זָכָר וְכָל־אִשָּׁה יֹדַעַת מִשְׁכַּב־ יא
זָכָר תַּחֲרִימוּ׃ וַיִּמְצְאוּ מִיּוֹשְׁבֵי יָבֵישׁ גִּלְעָד אַרְבַּע מֵאוֹת יב
נַעֲרָה בְתוּלָה אֲשֶׁר לֹא־יָדְעָה אִישׁ לְמִשְׁכַּב זָכָר וַיָּבִאוּ
אוֹתָם אֶל־הַמַּחֲנֶה שִׁלֹה אֲשֶׁר בְּאֶרֶץ כְּנָעַן׃ וַיִּשְׁלְחוּ יג
כָּל־הָעֵדָה וַיְדַבְּרוּ אֶל־בְּנֵי בִנְיָמִן אֲשֶׁר בְּסֶלַע רִמּוֹן וַיִּקְרְאוּ
לָהֶם שָׁלוֹם׃ וַיָּשָׁב בִּנְיָמִן בָּעֵת הַהִיא וַיִּתְּנוּ לָהֶם הַנָּשִׁים יד
אֲשֶׁר חִיּוּ מִנְּשֵׁי יָבֵשׁ גִּלְעָד וְלֹא־מָצְאוּ לָהֶם כֵּן׃ וְהָעָם טו
נִחָם לְבִנְיָמִן כִּי־עָשָׂה יְהוָה פֶּרֶץ בְּשִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃
וַיֹּאמְרוּ זִקְנֵי הָעֵדָה מַה־נַּעֲשֶׂה לַנּוֹתָרִים לְנָשִׁים כִּי־ טז
נִשְׁמְדָה מִבִּנְיָמִן אִשָּׁה׃ וַיֹּאמְרוּ יְרֻשַּׁת פְּלֵיטָה לְבִנְיָמִן יז
וְלֹא־יִמָּחֶה שֵׁבֶט מִיִּשְׂרָאֵל׃ וַאֲנַחְנוּ לֹא נוּכַל לָתֶת־ יח
לָהֶם נָשִׁים מִבְּנוֹתֵינוּ כִּי־נִשְׁבְּעוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר

אָוונט פאַר גאָט, און זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קָול און געוויינט אַ גרויס געוויין. 3 און זיי האָבן געזאָגט: פאַרוואָס, יהוה דו גאָט פון ישׂראל, איז דאָס געשען אין ישׂראל, עס זאָל היינט געמינערט ווערן פון ישׂראל איין שבט?

4 און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט זיך דאָס פאָלק געפעדערט, און זיי האָבן דאָרטן געבויט אַ מזבח, און אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער און פרידאָפּפער. 5 און די קינדער פון ישׂראל האָבן געזאָגט: ווער איז פון אַלע שבטים פון ישׂראל, וואָס איז ניט אַרויפגעגאַנגען אין דער אײנזאַמלונג צו גאָט? וואָרום אַ גרויסע שבועה איז געווען אַקעגן דעם וואָס איז ניט אַרויפגעגאַנגען צו גאָט קיין מִצפָּה, אַזוי צו זאָגן: טייטן זאָל ער געטייט ווערן!

6 און די קינדער פון ישׂראל האָט באַנג געטאָן אויף זייער ברודער בנימין, און זיי האָבן געזאָגט: אָפּגעשניטן געוואָרן איז היינט איין שבט פון ישׂראל! 7 וואָס זאָלן מיר טאָן וועגן ווייבער פאַר די געבליבענע, אַז מיר האָבן געשוואָרן בײַ גאָט זיי ניט צו געבן פון אונדזערע טעכטער פאַר ווייבער? 8 האָבן זיי געזאָגט: איז ווער איינער דאָ פון די שבטים פון ישׂראל, וואָס איז ניט אַרויפגעגאַנגען צו גאָט קיין מִצפָּה? ערשט קיינער איז ניט געקומען אין לאַגער פון יָבֵיש־גִלעָד צו דער אײנזאַמלונג. 9 וואָרום דאָס פאָלק איז איבערגעציילט געוואָרן, ערשט קיינער איז דאָרטן ניט געווען פון די באַוווינער פון יָבֵיש־גִלעָד.

10 האָט די עדה געשיקט אַהין צוועלף טויזנט מאַן פון די העלדישע יונגען, און זיי האָבן זיי באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: גייט און איר זאָלט שלאָגן די באַוווינער פון יָבֵיש־גִלעָד מיטן שאַרף פון שווערד, מיט די ווייבער און די קליינע קינדער. 11 און דאָס איז די זאַך וואָס איר זאָלט טאָן: איטלעכן מאַנספּאַרשוין, און איטלעכע ווייבספּאַרשוין וואָס ווייס פון ליגן מיט אַ מאַנספּאַרשוין, זאָלט איר פאַרטיליקן.

12 האָבן זיי געפונען פון די באַוווינער פון יָבֵיש־גִלעָד פיר הונדערט מיידלעך יונגפרויען וואָס האָבן ניט געוווּסט פון אַ מאַן דורך ליגן מיט אַ מאַנספּאַרשוין; און זיי האָבן זיי געבראַכט אין לאַגער קיין שִילוֹ וואָס אין לאַנד כּנַעַן.

13 און די גאַנצע עדה האָט געשיקט און גערעדט צו די קינדער פון בנימין וואָס אין פעלז רִמוֹן, און זיי האָבן זיי צוגערופן שלום. 14 און בנימין האָט זיך אומגעקערט אין יענער צייט, און זיי האָבן זיי געגעבן די ווייבספּאַרשוינען וואָס זיי האָבן געלאָזט לעבן פון די ווייבספּאַרשוינען פון יָבֵיש־גִלעָד, אָבער אַפילו אַזוי זיינען ניט געווען גענוג פאַר זיי.

15 און דעם פאָלק האָט באַנג געטאָן אויף בנימין, וואָס גאָט האָט געמאַכט אַ בראָך צווישן די שבטים פון ישׂראל.

16 און די עלטסטע פון דער עדה האָבן געזאָגט: וואָס זאָלן מיר טאָן וועגן ווייבער פאַר די איבעריקע, אַז ווייבער זיינען פאַרטיליקט געוואָרן פון בנימין? 17 און זיי האָבן געזאָגט: אַן אַנטרונענע ירושה מוז בלייבן בנימינען, כּדי עס זאָל ניט אויסגעמעקט ווערן אַ שבט פון ישׂראל. 18 מיר אָבער קענען זיי ניט געבן ווייבער פון אונדזערע טעכטער, וואָרום די קינדער

פון ישראל האָבן געשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: פאַרשאָלטן דער וואָס גיט אַ ווייב צו בנימין! [19] און זיי האָבן געזאָגט: אָט איז אַ יום־טוב צו גאָט פון יאָר צו יאָר אין שילו וואָס אין צפון פון בית־אֵל, צו מזרח פון דעם וועג וואָס גייט אויף פון בית־אֵל קיין שכם, און אין דרום פון לבונה.

[20] און זיי האָבן געהייסן די קינדער פון בנימין, אַזוי צו זאָגן: גייט און איר זאָלט לויערן אין די ווייגערטנער. [21] און איר וועט צוזען; און אָט ווי די טעכטער פון שילו וועלן אַרויסגיין צו טאַנצן אין די טענץ, אַזוי זאָלט איר אַרויסגיין פון די ווייגערטנער, און אַייך כאַפּן איטלעכער אַ ווייב פאַר זיך פון די טעכטער פון שילו, און אַוועקגיין אין לאַנד בנימין. [22] און עס וועט זיין, ווי זייערע פאָטערס אָדער זייערע ברידער וועלן קומען זיך קריגן מיט אונדז, אַזוי וועלן מיר זאָגן צו זיי; לייטזעליקט זיי אונדז, וואָרום ניט פאַר איטלעכן האָבן מיר געקריגן אַ ווייב אין דער מלחמה[א]; איבעריקנס האָט איר זיי זיי ניט געגעבן, אַז איר זאָלט אַצונד שולדיק זיין.

[23] האָבן די קינדער פון בנימין אַזוי געטאָן, און זיי האָבן גענומען ווייבער, לויט זייער צאָל, פון די טענצערינס וואָס זיי האָבן אַוועקגערויבט; און זיי זיינען געגאַנגען און האָבן זיך אומגעקערט צו זייער נחלה, און האָבן אָפּגעבויט די שטעט, און זיך באַזעצט אין זיי.

[24] און די קינדער פון ישראל זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען פון דאָרטן אין יענער צייט איטלעכער צו זיין שבט און צו זיין משפחה; און זיי זיינען אַוועק פון דאָרטן איטלעכער צו זיין נחלה.

[25] אין יענע טעג איז קיין מלך ניט געווען אין ישראל; איטלעכער האָט געטאָן וואָס איז רעכט אין זיינע אויגן.

יט אָרוּר נֹתֵן אִשָּׁה לְבִנְיָמִן׃ וַיֹּאמְרוּ הִנֵּה חַג־יְהוָה בְּשִׁלוֹ
מִיָּמִים ׀ יָמִימָה אֲשֶׁר מִצְּפוֹנָה לְבֵית־אֵל מִזְרְחָה הַשֶּׁמֶשׁ
כ לִמְסִלָּה הָעֹלָה מִבֵּית־אֵל שְׁכֶמָה וּמִנֶּגֶב לִלְבוֹנָה׃ וַיְצַוּ
כא אֶת־בְּנֵי בִנְיָמִן לֵאמֹר לְכוּ וַאֲרַבְתֶּם בַּכְּרָמִים׃ וּרְאִיתֶם
וְהִנֵּה אִם־יֵצְאוּ בְנוֹת־שִׁילוֹ לָחוּל בַּמְּחֹלוֹת וִיצָאתֶם מִן
הַכְּרָמִים וַחֲטַפְתֶּם לָכֶם אִישׁ אִשְׁתּוֹ מִבְּנוֹת שִׁילוֹ וַהֲלַכְתֶּם
כב אֶרֶץ בִּנְיָמִן׃ וְהָיָה כִּי־יָבֹאוּ אֲבוֹתָם אוֹ אֲחֵיהֶם לָרוֹב ׀ אֵלֵינוּ
וְאָמַרְנוּ אֲלֵיהֶם חָנּוּנוּ אוֹתָם כִּי לֹא לָקַחְנוּ אִישׁ אִשְׁתּוֹ
כג בַּמִּלְחָמָה כִּי לֹא אַתֶּם נְתַתֶּם לָהֶם כָּעֵת תֶּאְשָׁמוּ׃ וַיַּעֲשׂוּ־
כֵן בְּנֵי בִנְיָמִן וַיִּשְׂאוּ נָשִׁים לְמִסְפָּרָם מִן־הַמְּחֹלְלוֹת אֲשֶׁר
גָּזָלוּ וַיֵּלְכוּ וַיָּשׁוּבוּ אֶל־נַחֲלָתָם וַיִּבְנוּ אֶת־הֶעָרִים וַיֵּשְׁבוּ
כד בָּהֶם׃ וַיִּתְהַלְּכוּ מִשָּׁם בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל בָּעֵת הַהִיא אִישׁ לְשִׁבְטוֹ
כה וּלְמִשְׁפַּחְתּוֹ וַיֵּצְאוּ מִשָּׁם אִישׁ לְנַחֲלָתוֹ׃ בַּיָּמִים הָהֵם אֵין
מֶלֶךְ בְּיִשְׂרָאֵל אִישׁ הַיָּשָׁר בְּעֵינָיו יַעֲשֶׂה׃

כ׳ ויצו ק כב׳ לריב ק

[א] אין דער מלחמה אויף יָבֵיש גִלְעָד. זע פסוקים 10—12.

# חזק

סכום הפסוקים של ספר שופטים שש מאות ושמנה עשר. יראו
את יי׳ קדשיו סימן: וסדריו י״ד. דובב שפתי ישנים סימן:
וחציו. וירעצו וירצצו את בני ישראל:

# שְׁמוּאֵל א

א ויהי איש אחד מן־הרמתים צופים מהר אפרים ושמו
אלקנה בן־ירחם בן־אליהוא בן־תחו בן־צוף אפרתי:
ב ולו שתי נשים שם אחת חנה ושם השנית פננה ויהי
ג לפננה ילדים ולחנה אין ילדים: ועלה האיש ההוא מעירו
מימים ימימה להשתחות ולזבח ליהוה צבאות בשלה
ד ושם שני בני־עלי חפני ופנחס כהנים ליהוה: ויהי היום
ויזבח אלקנה ונתן לפננה אשתו ולכל־בניה ובנותיה מנות:
ה ולחנה יתן מנה אחת אפים כי את־חנה אהב ויהוה סגר
ו רחמה: וכעסתה צרתה גם־כעס בעבור הרעמה כי־
ז סגר יהוה בעד רחמה: וכן יעשה שנה בשנה מדי
עלתה בבית יהוה כן תכעסנה ותבכה ולא תאכל:
ח ויאמר לה אלקנה אישה חנה למה תבכי ולמה לא
תאכלי ולמה ירע לבבך הלוא אנכי טוב לך מעשרה
ט בנים: ותקם חנה אחרי אכלה בשלה ואחרי שתה
י ועלי הכהן ישב על־הכסא על־מזוזת היכל יהוה: והיא
יא מרת נפש ותתפלל על־יהוה ובכה תבכה: ותדר נדר
ותאמר יהוה צבאות אם־ראה תראה | בעני אמתך
וזכרתני ולא־תשכח את־אמתך ונתתה לאמתך זרע
אנשים ונתתיו ליהוה כל־ימי חייו ומורה לא־יעלה על־
יב ראשו: והיה כי הרבתה להתפלל לפני יהוה ועלי שמר
יג את־פיה: וחנה היא מדברת על־לבה רק שפתיה נעות

א׳ הפטורה ליום ראשון של ראש השנה   ג׳ ר׳ דגושה   ט׳ כצל יא׳ס׳א הת׳ בקמץ

**א** [1] עס איז געווען אַ מאַן פון רָמָתַיִם־צוֹפִים, פון דעם געבערג פון אפרים, וואָס זיין נאָמען איז געווען אֶלְקָנָה, דער זון פון ירוֹחָם, דעם זון פון אֶליהוא, דעם זון פון תוחו, דעם זון פון צופן, אַן אפרַיִמער. [2] און ער האָט געהאַט צוויי ווייבער: דער נאָמען פון איינער איז געווען חַנה, און דער נאָמען פון דער צווייטער פנינה; און פנינה האָט געהאַט קינדער, און חַנה האָט קיין קינדער ניט געהאַט. [3] און יענער מאַן פלעגט פון יאָר צו יאָר אַרויפגיין פון זיין שטאָט, זיך צו בוקן און צו שלאַכטן צו גאָט פון צבָאות אין שילו. און עֵלִיס צוויי זין, חָפני און פינחס, זיינען דאָרטן געווען כהנים צו גאָט. [4] און ווי עס איז געווען דער טאָג, און אֶלקָנָה האָט געשלאַכט, אַזוי פלעגט ער געבן זיין ווייב פנינהן און אַלע אירע זין און אירע טעכטער חלקים, [5] אָבער חַנהן פלעגט ער געבן אַ טאָפּעלן חלק, וואָרום חַנהן האָט ער ליב געהאַט, נאָר גאָט האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט. [6] און די אַנדער ווייב האָט נאָך זי ערגערן געערגערט, כדי זי צו דערצערענען, ווייל גאָט האָט פאַרשלאָסן איר טראַכט. [7] און ווי ער פלעגט אַזוי טאָן יאָר אין יאָר, ווען זי איז אַרויפגעגאַנגען אין הויז פון גאָט, אַזוי פלעגט יענע זי ערגערן; און זי האָט געוויינט, און פלעגט ניט עסן. [8] האָט אֶלקָנָה איר מאַן געזאָגט צו איר: חַנה, פאַרוואָס וויינסטו? און פאַרוואָס עסטו ניט? און פאַרוואָס איז דיין האַרץ פאַראומערט? בין איך דיר ניט בעסער פון צען קינדער?

[9] איז חַנה אויפגעשטאַנען נאָכן עסן אין שילו און נאָכן טרינקען—און עֵלי דער כהן איז געזעסן אויף אַ שטול ביי דעם ביישטידל פון גאָטס טעמפּל—[10] און ווי זי איז געווען אין אַ ביטער געמיט, אַזוי האָט זי מתפלל געווען צו גאָט, און האָט שטאַרק געוויינט. [11] און זי האָט אַ נדר געטאָן, און האָט געזאָגט: גאָט פון צבָאות, אויב זען וועסטו זען די פּיין פון דיין דינסט, און וועסט דאַכטן אָן מיר, און ניט פאַרגעסן אָן דיין דינסט, און וועסט שענקען דיין דינסט אַ קינד אַ זָכר, וועל איך אים אָפּגעבן צו גאָט אויף אַלע טעג פון זיין לעבן, און אַ שערמעסער וועט ניט אַרויפקומען אויף זיין קאָפּ.

[12] און עס איז געווען, ווי זי האָט לאַנג מתפלל געווען פאַר גאָט, אַזוי האָט עֵלי אויפגעפּאַסט איר מויל. [13] וואָרום חַנה, זי האָט גערעדט אין איר האַרצן; בלויז אירע ליפּן האָבן זיך געשאָקלט, אָבער איר קול האָט

זיך ניט געהערט; און עֵלי האָט זי גערעכנט פאַר אַ שיכּורער. 14 האָט עֵלי געזאָגט צו איר: ביז וואַנען וועסטו זיין שיכּור? טו אָפּ דיין וויין פון זיך. 15 האָט חַנה געענטפערט און האָט געזאָגט: ניין, מיין האַר, אַ פרוי מיט אַ שווער געמיט בין איך, און וויין און שטאַרק געטראַנק האָב איך ניט געטרונקען, נייערט איך האָב אויסגעגאָסן מיין זעל פאַר גאָט. 16 זאָלסט ניט האַלטן דיין דינסט פאַר אַ נידערטרעכטיקער פרוי, וואָרום פון מיין גרויס קלאָג און מיין ערגערניש האָב איך גערעדט ביז אַהער. 17 האָט זיך אָפּגערופן עֵלי און האָט געזאָגט: גיי לשלום, און דער גאָט פון ישׂראל זאָל שענקען דיין בקשה וואָס דו האָסט געבעטן פון אים. 18 האָט זי געזאָגט: זאָל דיין דינסט געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן.

און די פרוי איז געגאַנגען אויף איר וועג, און זי האָט געגעסן, און האָט געקריגן אַן אַנדער פּנים. 19 און אין דער פרי האָבן זיי זיך געפעדערט, און זיי האָבן זיך געבוקט פאַר גאָט, און האָבן זיך אומגעקערט, און זיינען געקומען אין זייער הויז קיין רָמָה. און אֶלקָנָה האָט דערקענט זיין ווייב חַנהן; און גאָט האָט אָן איר געדאַכט. 20 און עס איז געווען נאָכן אומדריי פון די טעג, האָט חַנה אויסגעטראָגן און האָט געבאָרן אַ זון; און זי האָט גערופן זיין נאָמען שמואל, ווייל: „פון גאָט האָב איך אים אויסגעבעטן".

21 און דער מאַן אֶלקָנָה מיט זיין גאַנצן הויזגעזינט איז אַרויפגעגאַנגען צו שלאַכטן פאַר גאָט דאָס שלאַכטאָפּפער פון יאָר, און זיין נדר. 22 אָבער חַנה איז ניט אַרויפגעגאַנגען, וואָרום זי האָט געזאָגט צו איר מאַן: ביז דער יינגל וועט אַנטווינט ווערן; דענסמאָל וועל איך אים ברענגען, און ער וועט זיך ווייזן פאַר גאָט, און וועט דאָרטן בלייבן אויף שטענדיק. 23 האָט אֶלקָנָה איר מאַן געזאָגט צו איר: טו וואָס איז גוט אין דיינע אויגן; בלייב ביז דו וועסט אים אַנטווינען. זאָל נאָר גאָט מקיים זיין זיין וואָרט. איז די פרוי געבליבן; און זי האָט געזויגן איר קינד ביז זי האָט אים אַנטווינט.

24 און אַז זי האָט אים אַנטווינט, האָט זי אים אַרויפגעבראַכט מיט זיך, מיט דריי אָקסן, און איין אֵיפָה מעל, און אַ לאָגל וויין; און זי האָט אים געבראַכט אין הויז פון גאָט אין שילו, און דער יינגל איז געווען יונג. 25 און זיי האָבן געשאָכטן דעם אָקס, און האָבן געבראַכט דעם יינגל צו עֵלין. 26 און זי האָט געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַר, אַזוי ווי דיין זעל לעבט, מיין האַר, איך בין די פרוי וואָס איז דאָ געשטאַנען לעבן דיר, מתפלל צו זיין צו גאָט. 27 אויף דעם־דאָזיקן יינגל האָב איך מתפלל געווען, און גאָט האָט מיר געשאָנקען מיין בקשה וואָס איך האָב געבעטןא פון אים. 28 און אויך איך האָב אים געליִעןא צו גאָט; אַלע טעג וואָס ער לעבט, איז ער געליִען צו גאָט. און ער האָט זיך דאָרטן געבוקט צו גאָט.

ב

1 און חַנה האָט מתפלל געווען, און האָט געזאָגט:
מיין האַרץ איז לוסטיק דורך גאָט,

יד וְקוֹלָהּ לֹא יִשָּׁמֵעַ וַיַּחְשְׁבֶהָ עֵלִי לְשִׁכֹּרָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ
טו עֵלִי עַד־מָתַי תִּשְׁתַּכָּרִין הָסִירִי אֶת־יֵינֵךְ מֵעָלָיִךְ׃ וַתַּעַן
חַנָּה וַתֹּאמֶר לֹא אֲדֹנִי אִשָּׁה קְשַׁת־רוּחַ אָנֹכִי וְיַיִן וְשֵׁכָר
טז לֹא שָׁתִיתִי וָאֶשְׁפֹּךְ אֶת־נַפְשִׁי לִפְנֵי יְהוָה׃ אַל־תִּתֵּן אֶת־
אֲמָתְךָ לִפְנֵי בַּת־בְּלִיָּעַל כִּי מֵרֹב שִׂיחִי וְכַעְסִי דִּבַּרְתִּי
יז עַד־הֵנָּה׃ וַיַּעַן עֵלִי וַיֹּאמֶר לְכִי לְשָׁלוֹם וֵאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
יח יִתֵּן אֶת־שֵׁלָתֵךְ אֲשֶׁר שָׁאַלְתְּ מֵעִמּוֹ׃ וַתֹּאמֶר תִּמְצָא
שִׁפְחָתְךָ חֵן בְּעֵינֶיךָ וַתֵּלֶךְ הָאִשָּׁה לְדַרְכָּהּ וַתֹּאכַל וּפָנֶיהָ
יט לֹא־הָיוּ־לָהּ עוֹד׃ וַיַּשְׁכִּמוּ בַבֹּקֶר וַיִּשְׁתַּחֲווּ לִפְנֵי יְהוָה
וַיָּשֻׁבוּ וַיָּבֹאוּ אֶל־בֵּיתָם הָרָמָתָה וַיֵּדַע אֶלְקָנָה אֶת־חַנָּה
כ אִשְׁתּוֹ וַיִּזְכְּרֶהָ יְהוָה׃ וַיְהִי לִתְקֻפוֹת הַיָּמִים וַתַּהַר חַנָּה
וַתֵּלֶד בֵּן וַתִּקְרָא אֶת־שְׁמוֹ שְׁמוּאֵל כִּי מֵיְהוָה שְׁאִלְתִּיו׃
כא וַיַּעַל הָאִישׁ אֶלְקָנָה וְכָל־בֵּיתוֹ לִזְבֹּחַ לַיהוָה אֶת־זֶבַח הַיָּמִים
כב וְאֶת־נִדְרוֹ׃ וְחַנָּה לֹא עָלָתָה כִּי־אָמְרָה לְאִישָׁהּ עַד־יִגָּמֵל
הַנַּעַר וַהֲבִאֹתִיו וְנִרְאָה אֶת־פְּנֵי יְהוָה וְיָשַׁב שָׁם עַד־עוֹלָם׃
כג וַיֹּאמֶר לָהּ אֶלְקָנָה אִישָׁהּ עֲשִׂי הַטּוֹב בְּעֵינַיִךְ שְׁבִי עַד־גָּמְלֵךְ
אֹתוֹ אַךְ יָקֵם יְהוָה אֶת־דְּבָרוֹ וַתֵּשֶׁב הָאִשָּׁה וַתֵּינֶק אֶת־
כד בְּנָהּ עַד־גָמְלָהּ אֹתוֹ׃ וַתַּעֲלֵהוּ עִמָּהּ כַּאֲשֶׁר גְּמָלַתּוּ בְּפָרִים
שְׁלֹשָׁה וְאֵיפָה אַחַת קֶמַח וְנֵבֶל יַיִן וַתְּבִאֵהוּ בֵית־יְהוָה
כה שִׁלוֹ וְהַנַּעַר נָעַר׃ וַיִּשְׁחֲטוּ אֶת־הַפָּר וַיָּבִאוּ אֶת־הַנַּעַר אֶל־
כו עֵלִי׃ וַתֹּאמֶר בִּי אֲדֹנִי חֵי נַפְשְׁךָ אֲדֹנִי אֲנִי הָאִשָּׁה הַנִּצֶּבֶת
כז עִמְּכָה בָּזֶה לְהִתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה׃ אֶל־הַנַּעַר הַזֶּה הִתְפַּלָּלְתִּי
כח וַיִּתֵּן יְהוָה לִי אֶת־שְׁאֵלָתִי אֲשֶׁר שָׁאַלְתִּי מֵעִמּוֹ׃ וְגַם אָנֹכִי
הִשְׁאִלְתִּהוּ לַיהוָה כָּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר הָיָה הוּא שָׁאוּל לַיהוָה
וַיִּשְׁתַּחוּ שָׁם לַיהוָה׃

ב

א וַתִּתְפַּלֵּל חַנָּה וַתֹּאמַר עָלַץ לִבִּי בַּיהוָה רָמָה קַרְנִי

א, יו׳ חסר א

א וואָרטשפּיל: שָׁאַלְתִּי–הִשְׁאִלְתִּיהוּ.

בַּיהוָה רָחַב פִּי עַל־אוֹיְבַי כִּי שָׂמַחְתִּי בִּישׁוּעָתֶךָ׃ אֵין ב
קָדוֹשׁ כַּיהוָה כִּי־אֵין בִּלְתֶּךָ וְאֵין צוּר כֵּאלֹהֵינוּ׃ אַל־ ג
תַּרְבּוּ תְדַבְּרוּ גְּבֹהָה גְבֹהָה יֵצֵא עָתָק מִפִּיכֶם כִּי אֵל
דֵּעוֹת יְהוָה וְלֹא נִתְכְּנוּ עֲלִלוֹת׃ קֶשֶׁת גִּבֹּרִים חַתִּים ד
וְנִכְשָׁלִים אָזְרוּ חָיִל׃ שְׂבֵעִים בַּלֶּחֶם נִשְׂכָּרוּ וּרְעֵבִים ה
חָדֵלּוּ עַד־עֲקָרָה יָלְדָה שִׁבְעָה וְרַבַּת בָּנִים אֻמְלָלָה׃
יְהוָה מֵמִית וּמְחַיֶּה מוֹרִיד שְׁאוֹל וַיָּעַל׃ יְהוָה מוֹרִישׁ ו ז
וּמַעֲשִׁיר מַשְׁפִּיל אַף־מְרוֹמֵם׃ מֵקִים מֵעָפָר דָּל מֵאַשְׁפֹּת ח
יָרִים אֶבְיוֹן לְהוֹשִׁיב עִם־נְדִיבִים וְכִסֵּא כָבוֹד יַנְחִלֵם
כִּי לַיהוָה מְצֻקֵי אֶרֶץ וַיָּשֶׁת עֲלֵיהֶם תֵּבֵל׃ רַגְלֵי חֲסִידָו ט
יִשְׁמֹר וּרְשָׁעִים בַּחֹשֶׁךְ יִדָּמּוּ כִּי־לֹא בְכֹחַ יִגְבַּר־אִישׁ׃
יְהוָה יֵחַתּוּ מְרִיבָו עָלָו בַּשָּׁמַיִם יַרְעֵם יְהוָה יָדִין אַפְסֵי־ י
אָרֶץ וְיִתֶּן־עֹז לְמַלְכּוֹ וְיָרֵם קֶרֶן מְשִׁיחוֹ׃ * וַיֵּלֶךְ אֶלְקָנָה יא
הָרָמָתָה עַל־בֵּיתוֹ וְהַנַּעַר הָיָה מְשָׁרֵת אֶת־יְהוָה אֶת־פְּנֵי
עֵלִי הַכֹּהֵן׃ וּבְנֵי עֵלִי בְּנֵי בְלִיָּעַל לֹא יָדְעוּ אֶת־יְהוָה׃ יב
וּמִשְׁפַּט הַכֹּהֲנִים אֶת־הָעָם כָּל־אִישׁ זֹבֵחַ זֶבַח וּבָא נַעַר יג
הַכֹּהֵן כְּבַשֵּׁל הַבָּשָׂר וְהַמַּזְלֵג שְׁלֹשׁ הַשִּׁנַּיִם בְּיָדוֹ׃ וְהִכָּה יד
בַכִּיּוֹר אוֹ בַדּוּד אוֹ בַקַּלַּחַת אוֹ בַפָּרוּר כֹּל אֲשֶׁר יַעֲלֶה
הַמַּזְלֵג יִקַּח הַכֹּהֵן בּוֹ כָּכָה יַעֲשׂוּ לְכָל־יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים
שָׁם בְּשִׁלֹה׃ גַּם בְּטֶרֶם יַקְטִרוּן אֶת־הַחֵלֶב וּבָא ׀ נַעַר טו
הַכֹּהֵן וְאָמַר לָאִישׁ הַזֹּבֵחַ תְּנָה בָשָׂר לִצְלוֹת לַכֹּהֵן וְלֹא־
יִקַּח מִמְּךָ בָּשָׂר מְבֻשָּׁל כִּי אִם־חָי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו הָאִישׁ טז
קַטֵּר יַקְטִירוּן כַּיּוֹם הַחֵלֶב וְקַח־לְךָ כַּאֲשֶׁר תְּאַוֶּה נַפְשֶׁךָ
וְאָמַר ׀ לוֹ כִּי עַתָּה תִתֵּן וְאִם־לֹא לָקַחְתִּי בְחָזְקָה׃ וַתְּהִי יז
חַטַּאת הַנְּעָרִים גְּדוֹלָה מְאֹד אֶת־פְּנֵי יְהוָה כִּי נִאֲצוּ
הָאֲנָשִׁים אֵת מִנְחַת יְהוָה׃ וּשְׁמוּאֵל מְשָׁרֵת אֶת־פְּנֵי יח
יְהוָה נַעַר חָגוּר אֵפוֹד בָּד׃ וּמְעִיל קָטֹן תַּעֲשֶׂה־לּוֹ אִמּוֹ יט

ג׳ ולו ק  ה׳ קמץ בז״ק  ל׳ דגושה  ט׳ חסידיו ק
י׳ מריבו קרי  עליו ק  ע״כ  ט״ז לא ק

מײַן האַרץ איז דערהויבן דורך גאָט;
מײַן מויל איז ברייט אַקעגן מײַנע פֿײַנט,
וואָרום איך פֿריי זיך מיט דײַן הילף.
2 ניטאָ אַ הייליקער ווי יהוה,
וואָרום חוץ דיר איז ניטאָ;
און ניטאָ אַ פֿעלז ווי אונדזער גאָט.
3 ניט מערן זאָלט איר הויכהאָפֿערדיקע רייד,
ניט אַרויס זאָל פֿאַרשײַטס פֿון אײַער מויל,
וואָרום אַ גאָט פֿון וויסן איז יהוה,
און פֿון אים ווערן מעשים געווויגן.
4 דער בויגן פֿון גיבורים ווערט צעבראָכן,
און געשטרויכלטע גורטן אָן קראַפֿט.
5 זאַטע פֿאַרדינגען זיך אום ברויט,
און הונגעריקע רוען אָפּ;
בעת די עקרה געבערט זיבן,
ווערט די רייכע אין קינדער פֿאַרוועלקט.
6 גאָט טייט און מאַכט לעבעדיק,
ער מאַכט נידערן אין גרוב און ברענגט אויף.
7 גאָט מאַכט אָרים און מאַכט רייך,
ער דערנידערט און דערהייבט.
8 ער ריכט אויף פֿון שטויב דעם אָרימאַן,
פֿון מיסט הייבט ער אויף דעם אביון,
זיי צו זעצן מיט פֿירשטן,
און אַ טראָן פֿון כּבוד מאַכט ער זיי אַרבן;
וואָרום גאָטס זײַנען די גרונטפֿעסטן פֿון דער ערד,
און ער האָט אויף זיי די וועלט געשטעלט.
9 די פֿיס פֿון זײַנע פֿרומע באַהיט ער,
און רשעים ווערן אין חושך פֿאַרשניטן;
וואָרום ניט מיט כּוח איז אַ מענטש שטאַרק.
10 די וואָס קריגן אויף גאָט ווערן צעבראָכן;
ער דונערט אין הימל אויף זיי;
גאָט משפּט די עקן פֿון דער ערד,
און גיט מאַכט צו זײַן מלך,
און דערהייבט דעם האָרן פֿון זײַן געזאַלבטן.

11 און אֶלְקָנָה איז אַוועק קיין רָמָה צו זײַן הויז. און דער ייִנגל האָט געדינט גאָט לעבן עֵלי דעם כּהן.

12 און עֵלִיס זין זײַנען געווען נידערטרעכטיקע יונגען, זיי האָבן ניט געוואָלט וויסן פֿון גאָט. 13 און דער שטייגער פֿון די כּהנים מיטן פֿאָלק איז געווען: ווער נאָר עמיצער עס האָט געשלאַכט אַ שלאַכטאָפּפֿער, אַזוי פֿלעגט קומען דעם כּהנס יונג, ווי מע האָט געקאָכט דאָס פֿלייש, מיטן דרײַצייניקן גאָפּל אין זײַן האַנט, 14 און פֿלעגט אַרײַנשטעכן אין בעקן אָדער אין פֿאַן אָדער אין קעסל אָדער אין טאָפּ; וואָס נאָר דער גאָפּל האָט אַרויפֿגעבראַכט, האָט דער כּהן צוגענומען דערמיט. אַזוי פֿלעגן זיי טאָן צו גאַנץ ישׂראל וואָס זײַנען געקומען אַהין קיין שילה. 15 נאָך איידער מען האָט געדעמפּט דאָס פֿעטס, פֿלעגט קומען דעם כּהנס יונג, און זאָגן צו דעם מאַן וואָס האָט געשלאַכט: גיב פֿלייש צום בראָטן פֿאַרן כּהן, וואָרום ער וויל ניט נעמען פֿון דיר געקאָכט פֿלייש, נײַערט רוי. 16 און אַז דער מאַן האָט צו אים געזאָגט: דעמפֿן זאָל מען אַקאָרשט דעמפֿן דאָס פֿעטס, און נעם דיר ווי דײַן האַרץ געלוסט, אַזוי פֿלעגט ער זאָגן: ניין, דווקא איצט מוזטו געבן, אַניט נעם איך מיט געוואַלט. 17 און די זינד פֿון די יונגען איז געווען זייער גרויס פֿאַר גאָט, וואָרום די מענטשן האָבן מבֿזה געווען דעם קרבן פֿון גאָט.

18 און שמואל איז געווען אַ דינער פֿאַר גאָט, אַ ייִנגל אָנגעגורט אין אַ ליינענעם אֵפֿוֹד. 19 און אַ קליין מאַנטעלע פֿלעגט

אים זיין מוטער מאַכן, און אים אַרויפֿברענגען פֿון יאָר צו יאָר, ווען זי איז אַרויפֿגעקומען מיט איר מאַן צו שלאַכטן דאָס שלאַכטאָפּפֿער פֿון יאָר. 20 און עֵלי פֿלעגט בענטשן אֶלקָנָהן און זיין ווייב, און זאָגן: זאָל דיר גאָט באַשערן זאָמען פֿון דערדאָזיקער ווייב פֿאַר דער אַנטלייאונג וואָס איז אַנטליען געוואָרן צו גאָט. און זיי פֿלעגן גיין אַהיים. 21 האָט אויך גאָט געדאַכט אָן חַנהן, און זי איז טראָגעדיק געוואָרן, און זי האָט געבאָרן דריי זין און צוויי טעכטער. און דער ייִנגל שמואל איז אויפֿגעוואַקסן ביי גאָט.

22 און עֵלי איז געווען זייער אַלט; און ער האָט געהערט אַלץ וואָס זיינע זין טוען צו גאַנץ ישׂראל, און אַז זיי ליגן מיט די ווייבער וואָס זאַמלען זיך איין ביים איינגאַנג פֿון אוהל־מועד. 23 און ער האָט צו זיי געזאָגט: פֿאַרוואָס טוט איר אַזעלכע זאַכן? וואָרום איך הער איירע שלעכטע מעשׂים פֿון דעמדאָזיקן גאַנצן פֿאָלק. 24 ניט, זין מיינע; וואָרום ניט גוט איז די הערונג וואָס איך הער דאָס פֿאָלק פֿון גאָט פֿאַרשפּרייטן. 25 אַז אַ מענטש זינדיקט קעגן אַ מענטשן, שטעלט זיך איין פֿאַר אים בית־דין, אָבער אַז אַ מענטש זינדיקט קעגן גאָט, ווער וועט פֿאַר אים בעטן? אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט צו דעם קָול פֿון זייער פֿאָטער; וואָרום גאָט האָט זיי געוואָלט טייטן.

26 און דער ייִנגל שמואל איז געוואָרן אַלץ גרעסער, און מער ווילגעפֿעליק אי ביי גאָט אי ביי לייטן.

27 און אַ געטלעכער מאַן איז געקומען צו עֵלין, און האָט צו אים געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך האָב דאָך אַנטפּלעקן זיך אַנטפּלעקט צו דיין פֿאָטערס הויז בעת זיי זיינען געווען אין מִצרַיִם אונטער דעם הויז פֿון פַּרעהן. 28 און אים אויסדערוויילט פֿון אַלע שבטים פֿון ישׂראל פֿאַר אַ כּהן צו מיר, אַרויפֿצוגיין אויף מיין מזבח, צו רייכערן וויירויך, צו טראָגן אַן אֵפוד פֿאַר מיר; און איך האָב געגעבן דיין פֿאָטערס הויז פֿון אַלע פֿייעראָפּפֿער פֿון די קינדער פֿון ישׂראל. 29 פֿאַרוואָס טרעט איר אויף מיין שלאַכטאָפּפֿער און אויף מיין שפּייז־אָפּפֿער וואָס איך האָב באַפֿוילן אין מיין וווינונג, און האַלטסט דיינע זין אין מער כּבֿוד ווי מיך, כּדי אייך צו שטאָפּן מיטן בעסטן פֿון יעטוועדער קרבן פֿון ישׂראל מיין פֿאָלק? 30 דרום זאָגט יהוה דער גאָט פֿון ישׂראל: זאָגן האָב איך געוועסט געזאָגט: דיין הויז און דיין פֿאָטערס הויז וועלן אומגיין פֿאַר מיר אויף אייביק; אָבער אַצונד, זאָגט גאָט, פֿאַרמיטן זאָל עס זיין פֿון מיר; וואָרום די וואָס גיבן מיר כּבֿוד, וועל איך געבן כּבֿוד, און די וואָס פֿאַראַכטן מיך, וועלן גרינגגעשאַצט ווערן. 31 זע, טעג קומען, און איך וועל אָפּהאַקן דיין אָרעם און דעם אָרעם פֿון דיין פֿאָטערס הויז, אַז אַ זקן וועט ניט זיין אין דיין הויז. 32 און וועסט קוקן ווי אַ שׂונא פֿון מיין וווינונג אויף איטלעכן וואָס וועט גוטס טאָן ישׂראל; און אַ זקן וועט קיינמאָל ניט זיין אין דיין הויז. 33 און ניט איטלעכן פֿון דיר וועל איך פֿאַרשניידן פֿון לעבן מיין מזבח, כּדי צו מאַכן אויסגיין דיינע אויגן און פֿאַרשמאַכטן דיין זעל; און אַלע אויפֿגעוואַקסענע אין דיין הויז וועלן שטאַרבן יונגערהייט.

וְהַעֲלְתָה לוֹ מִיָּמִים ׀ יָמִימָה בַּעֲלוֹתָהּ אֶת־אִישָׁהּ לִזְבֹּחַ
כ אֶת־זֶבַח הַיָּמִים׃ וּבֵרַךְ עֵלִי אֶת־אֶלְקָנָה וְאֶת־אִשְׁתּוֹ
וְאָמַר יָשֵׂם יְהוָה לְךָ זֶרַע מִן־הָאִשָּׁה הַזֹּאת תַּחַת הַשְּׁאֵלָה
כא אֲשֶׁר שָׁאַל לַיהוָה וְהָלְכוּ לִמְקֹמוֹ׃ כִּי־פָקַד יְהוָה אֶת־
חַנָּה וַתַּהַר וַתֵּלֶד שְׁלֹשָׁה־בָנִים וּשְׁתֵּי בָנוֹת וַיִּגְדַּל הַנַּעַר
כב שְׁמוּאֵל עִם־יְהוָה׃ וְעֵלִי זָקֵן מְאֹד וְשָׁמַע אֵת כָּל־
אֲשֶׁר יַעֲשׂוּן בָּנָיו לְכָל־יִשְׂרָאֵל וְאֵת אֲשֶׁר־יִשְׁכְּבוּן אֶת־
כג הַנָּשִׁים הַצֹּבְאוֹת פֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד׃ וַיֹּאמֶר לָהֶם לָמָּה
תַעֲשׂוּן כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁמֵעַ אֶת־דִּבְרֵיכֶם
כד רָעִים מֵאֵת כָּל־הָעָם אֵלֶּה׃ אַל בָּנָי כִּי לוֹא־טוֹבָה
כה הַשְּׁמֻעָה אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁמֵעַ מַעֲבִרִים עַם־יְהוָה׃ אִם־יֶחֱטָא
אִישׁ לְאִישׁ וּפִלְלוֹ אֱלֹהִים וְאִם לַיהוָה יֶחֱטָא־אִישׁ מִי
יִתְפַּלֶּל־לוֹ וְלֹא יִשְׁמְעוּ לְקוֹל אֲבִיהֶם כִּי־חָפֵץ יְהוָה
כו לַהֲמִיתָם׃ וְהַנַּעַר שְׁמוּאֵל הֹלֵךְ וְגָדֵל וָטוֹב גַּם עִם־יְהוָה
כז וְגַם עִם־אֲנָשִׁים׃ וַיָּבֹא אִישׁ־אֱלֹהִים אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר
אֵלָיו כֹּה אָמַר יְהוָה הֲנִגְלֹה נִגְלֵיתִי אֶל־בֵּית אָבִיךָ בִּהְיוֹתָם
כח בְמִצְרַיִם לְבֵית פַּרְעֹה׃ וּבָחֹר אֹתוֹ מִכָּל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל
לִי לְכֹהֵן לַעֲלוֹת עַל־מִזְבְּחִי לְהַקְטִיר קְטֹרֶת לָשֵׂאת אֵפוֹד
כט לְפָנָי וָאֶתְּנָה לְבֵית אָבִיךָ אֶת־כָּל־אִשֵּׁי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ לָמָּה
תִבְעֲטוּ בְּזִבְחִי וּבְמִנְחָתִי אֲשֶׁר צִוִּיתִי מָעוֹן וַתְּכַבֵּד אֶת־בָּנֶיךָ
מִמֶּנִּי לְהַבְרִיאֲכֶם מֵרֵאשִׁית כָּל־מִנְחַת יִשְׂרָאֵל לְעַמִּי׃
ל לָכֵן נְאֻם־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אָמוֹר אָמַרְתִּי בֵּיתְךָ וּבֵית
אָבִיךָ יִתְהַלְּכוּ לְפָנַי עַד־עוֹלָם וְעַתָּה נְאֻם־יְהוָה חָלִילָה לִּי
לא כִּי־מְכַבְּדַי אֲכַבֵּד וּבֹזַי יֵקָלּוּ׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים וְגָדַעְתִּי אֶת־
לב זְרֹעֲךָ וְאֶת־זְרֹעַ בֵּית אָבִיךָ מִהְיוֹת זָקֵן בְּבֵיתֶךָ׃ וְהִבַּטְתָּ צַר
מָעוֹן בְּכֹל אֲשֶׁר־יֵיטִיב אֶת־יִשְׂרָאֵל וְלֹא־יִהְיֶה זָקֵן בְּבֵיתְךָ
לג כָּל־הַיָּמִים׃ וְאִישׁ לֹא־אַכְרִית לְךָ מֵעִם מִזְבְּחִי לְכַלּוֹת אֶת־
עֵינֶיךָ וְלַאֲדִיב אֶת־נַפְשֶׁךָ וְכָל־מַרְבִּית בֵּיתְךָ יָמוּתוּ אֲנָשִׁים׃

לד וְזֶה־לְּךָ הָאוֹת אֲשֶׁר יָבֹא אֶל־שְׁנֵי בָנֶיךָ אֶל־חָפְנִי וּפִינְחָס
לה בְּיוֹם אֶחָד יָמוּתוּ שְׁנֵיהֶם׃ וַהֲקִימֹתִי לִי כֹּהֵן נֶאֱמָן כַּאֲשֶׁר
בִּלְבָבִי וּבְנַפְשִׁי יַעֲשֶׂה וּבָנִיתִי לוֹ בַּיִת נֶאֱמָן וְהִתְהַלֵּךְ לִפְנֵי־
לו מְשִׁיחִי כָּל־הַיָּמִים׃ וְהָיָה כָּל־הַנּוֹתָר בְּבֵיתְךָ יָבוֹא
לְהִשְׁתַּחֲוֺת לוֹ לַאֲגוֹרַת כֶּסֶף וְכִכַּר־לָחֶם וְאָמַר סְפָחֵנִי נָא
אֶל־אַחַת הַכְּהֻנּוֹת לֶאֱכֹל פַּת־לָחֶם׃

ג

א וְהַנַּעַר שְׁמוּאֵל מְשָׁרֵת אֶת־יְהוָה לִפְנֵי עֵלִי וּדְבַר־יְהוָה
ב הָיָה יָקָר בַּיָּמִים הָהֵם אֵין חָזוֹן נִפְרָץ׃ וַיְהִי בַּיּוֹם הַהוּא
וְעֵלִי שֹׁכֵב בִּמְקוֹמוֹ וְעֵינָו הֵחֵלּוּ כֵהוֹת לֹא יוּכַל לִרְאוֹת׃
ג וְנֵר אֱלֹהִים טֶרֶם יִכְבֶּה וּשְׁמוּאֵל שֹׁכֵב בְּהֵיכַל יְהוָה
ד אֲשֶׁר־שָׁם אֲרוֹן אֱלֹהִים׃ וַיִּקְרָא יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל וַיֹּאמֶר
ה הִנֵּנִי׃ וַיָּרָץ אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר הִנְנִי כִּי־קָרָאתָ לִּי וַיֹּאמֶר
ו לֹא־קָרָאתִי שׁוּב שְׁכָב וַיֵּלֶךְ וַיִּשְׁכָּב׃ וַיֹּסֶף יְהוָה קְרֹא
עוֹד שְׁמוּאֵל וַיָּקָם שְׁמוּאֵל וַיֵּלֶךְ אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר הִנְנִי כִּי
ז קָרָאתָ לִי וַיֹּאמֶר לֹא־קָרָאתִי בְנִי שׁוּב שְׁכָב׃ וּשְׁמוּאֵל
ח טֶרֶם יָדַע אֶת־יְהוָה וְטֶרֶם יִגָּלֶה אֵלָיו דְּבַר־יְהוָה׃ וַיֹּסֶף
יְהוָה קְרֹא־שְׁמוּאֵל בַּשְּׁלִשִׁית וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אֶל־עֵלִי וַיֹּאמֶר
ט הִנְנִי כִּי קָרָאתָ לִי וַיָּבֶן עֵלִי כִּי יְהוָה קֹרֵא לַנָּעַר׃ וַיֹּאמֶר
עֵלִי לִשְׁמוּאֵל לֵךְ שְׁכָב וְהָיָה אִם־יִקְרָא אֵלֶיךָ וְאָמַרְתָּ
דַּבֵּר יְהוָה כִּי שֹׁמֵעַ עַבְדֶּךָ וַיֵּלֶךְ שְׁמוּאֵל וַיִּשְׁכַּב בִּמְקוֹמוֹ׃
י וַיָּבֹא יְהוָה וַיִּתְיַצַּב וַיִּקְרָא כְפַעַם־בְּפַעַם שְׁמוּאֵל ׀ שְׁמוּאֵל
יא וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל דַּבֵּר כִּי שֹׁמֵעַ עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל הִנֵּה אָנֹכִי עֹשֶׂה דָבָר בְּיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר
יב כָּל־שֹׁמְעוֹ תְּצִלֶּינָה שְׁתֵּי אָזְנָיו׃ בַּיּוֹם הַהוּא אָקִים אֶל־
יג עֵלִי אֵת כָּל־אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי אֶל־בֵּיתוֹ הָחֵל וְכַלֵּה׃ וְהִגַּדְתִּי
לוֹ כִּי־שֹׁפֵט אֲנִי אֶת־בֵּיתוֹ עַד־עוֹלָם בַּעֲוֺן אֲשֶׁר־יָדַע כִּי־

ג, ב׳ ועיניו קרי

34 און דאָס וועט דיר זיין דער צייכן: וואָס וועט קומען אויף דיינע צוויי זין, אויף חָפנין און פּינחסן–אין איין טאָג וועלן זיי ביידע שטאַרבן. 35 און איך וועל מיר אויפשטעלן אַ געטרייען כֹּהן וואָס וועט טאָן אַזוי ווי אין מיין האַרצן און אין מיין זעל; און איך וועל אים אויפבויען אַ זיכער הויז, און ער וועט אומגיין פֿאַר מיין געזאַלבטן אַלע טעג. 36 און עס וועט זיין, איטלעכער וואָס בלייבט איבער אין דיין הויז, וועט קומען זיך בוקן צו אים אום אַ זילבערשטיק און אַ לעבל ברויט, און וועט זאָגן: נעם מיך צו, איך בעט דיך, צו איינער פֿון די כּהונות, צו עסן אַ שטיקל ברויט.

ג 1 און דער יינגל שמואל האָט געדינט גאָט לעבן עֵלין; און גאָטס וואָרט איז געווען זעלטן אין יענע טעג, קיין אָפֿטע זעאונג איז ניט געווען. 2 און עס איז געווען אין יענע טעג, ווען עֵלי איז געלעגן אויף זיין אָרט–און זיינע אויגן האָבן אָנגעהויבן טונקל ווערן; ער האָט ניט געקענט זען– 3 און דאָס ליכט פֿון גאָט איז נאָך ניט געווען אויסגעגאַנגען, און שמואל איז געלעגן אין טעמפּל פֿון גאָט, וואָס דאָרטן איז געווען דער אָרון פֿון גאָט, 4 האָט גאָט גערופֿן צו שמואלן; האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך. 5 און ער איז צוגעלאָפֿן צו עֵלין, און האָט געזאָגט: דאָ בין איך; האָסט דאָך מיך גערופֿן. האָט ער געזאָגט: איך האָב ניט גערופֿן; לייג זיך צוריק. איז ער געגאַנגען און האָט זיך געלייגט.

6 האָט גאָט ווידער גערופֿן שמואלן, און שמואל איז אויפֿגעשטאַנען און איז צוגעגאַנגען צו עֵלין, און האָט געזאָגט: דאָ בין איך; האָסט דאָך מיך גערופֿן. האָט ער געזאָגט: איך האָב ניט גערופֿן, מיין זון; לייג זיך צוריק.

7 און שמואל האָט נאָך ניט געקענט גאָט, און דאָס וואָרט פֿון גאָט האָט זיך נאָך ניט געהאַט אַנטפּלעקט צו אים.

8 האָט גאָט ווידער גערופֿן שמואלן צום דריטן מאָל. און ער איז אויפֿגעשטאַנען, און איז צוגעגאַנגען צו עֵלין, און האָט געזאָגט: דאָ בין איך; האָסט דאָך מיך גערופֿן. האָט עֵלי פֿאַרשטאַנען אַז גאָט רופֿט דעם יינגל. 9 און עֵלי האָט געזאָגט צו שמואלן: גיי לייג זיך; און עס וועט זיין, אַז מע וועט רופֿן צו דיר, זאָלסטו זאָגן: רעד, גאָט, וואָרום דיין קנעכט הערט.

איז שמואל געגאַנגען און האָט זיך געלייגט אויף זיין אָרט. 10 און גאָט איז געקומען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט, און האָט גערופֿן אַזוי ווי די פֿריערדיקע מאָל: שמואל! שמואל! האָט שמואל געזאָגט: רעד, וואָרום דיין קנעכט הערט.

11 האָט גאָט געזאָגט צו שמואלן: זע, איך טו אַ זאַך אין ישׂראל, אַז איטלעכער וואָס הערט עס, וועלן קלינגען זיינע ביידע אויערן. 12 אין יענעם טאָג וועל איך מקיים זיין אויף עֵלין אַלץ וואָס איך האָב גערעדט וועגן זיין הויז, פֿון אָנהייב ביזן סוף. 13 וואָרום איך האָב אים אָנגעזאָגט אַז איך פֿאַרמשפּט זיין הויז אויף אייביק, פֿאַר דער זינד, וואָס ער האָט געוווּסט אַז

זיינע זין ברענגען אַ קללה אויף זיך, און האָט זיי ניט געווערט. [14] און דרום האָב איך געשוואָרן אויף עֵלִיס הויז: אויב די זינד פון עֵלִיס הויז וועט פאַרגעבן ווערן דורך שלאַכטאָפּפער אָדער דורך שפּייזאָפּפער אויף אייביק!

[15] און שמואל איז געלעגן ביז אין דער פרי, און ער האָט געעפנט די טירן פון גאָטס הויז. און שמואל האָט מורא געהאַט צו דערציילן די זעאונג צו עֵלִין. [16] האָט עֵלִי גערופן שמואלן, און האָט געזאָגט: שמואל מיין זון! האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך. [17] האָט ער געזאָגט: וואָס איז די זאַך וואָס ער האָט צו דיר גערעדט? זאָלסט ניט פאַרלייקענען פון מיר, איך בעט דיך. זאָל דיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער, אויב דו וועסט פון מיר פאַרלייקענען אַ וואָרט פון אַלע ווערטער וואָס גאָט האָט צו דיר גערעדט. [18] האָט שמואל אים דערציילט אַלע ווערטער, און ניט פאַרלייקנט פון אים. און ער האָט געזאָגט: ער איז יהוה; וואָס איז גוט אין זיינע אויגן, זאָל ער טאָן.

[19] און שמואל איז געוואַקסן, און גאָט איז געווען מיט אים, און ער האָט פון אַלע זיינע ווערטער ניט געלאָזט פאַלן צו דער ערד. [20] און גאַנץ ישׂראל פון דָן און ביז באֵר־שֶׁבַע האָט געוווסט אַז שמואל איז באַגלויבט געוואָרן פאַר אַ נביא פון גאָט. [21] און גאָט האָט זיך ווידער באַוויזן אין שילו; וואָרום גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו שמואלן אין שילו דורך דעם וואָרט פון גאָט.

יד מְקַלְלִים לָהֶם בָּנָיו וְלֹא כִהָה בָּם׃ וְלָכֵן נִשְׁבַּעְתִּי לְבֵית עֵלִי
טו אִם־יִתְכַּפֵּר עֲוֹן בֵּית־עֵלִי בְּזֶבַח וּבְמִנְחָה עַד־עוֹלָם׃ וַיִּשְׁכַּב
שְׁמוּאֵל עַד־הַבֹּקֶר וַיִּפְתַּח אֶת־דַּלְתוֹת בֵּית־יְהוָה וּשְׁמוּאֵל
טז יָרֵא מֵהַגִּיד אֶת־הַמַּרְאָה אֶל־עֵלִי׃ וַיִּקְרָא עֵלִי אֶת־שְׁמוּאֵל
יז וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל בְּנִי וַיֹּאמֶר הִנֵּנִי׃ וַיֹּאמֶר מָה הַדָּבָר אֲשֶׁר
דִּבֶּר אֵלֶיךָ אַל־נָא תְכַחֵד מִמֶּנִּי כֹּה יַעֲשֶׂה־לְּךָ אֱלֹהִים וְכֹה
יוֹסִיף אִם־תְּכַחֵד מִמֶּנִּי דָּבָר מִכָּל־הַדָּבָר אֲשֶׁר־דִּבֶּר
יח אֵלֶיךָ׃ וַיַּגֶּד־לוֹ שְׁמוּאֵל אֶת־כָּל־הַדְּבָרִים וְלֹא כִחֵד מִמֶּנּוּ
יט וַיֹּאמַר יְהוָה הוּא הַטּוֹב בְּעֵינָו יַעֲשֶׂה׃ וַיִּגְדַּל שְׁמוּאֵל וַיהוָה
כ הָיָה עִמּוֹ וְלֹא־הִפִּיל מִכָּל־דְּבָרָיו אָרְצָה׃ וַיֵּדַע כָּל־יִשְׂרָאֵל
מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שָׁבַע כִּי־נֶאֱמָן שְׁמוּאֵל לְנָבִיא לַיהוָה׃
כא וַיֹּסֶף יְהוָה לְהֵרָאֹה בְשִׁלֹה כִּי־נִגְלָה יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל
בְּשִׁלוֹ בִּדְבַר יְהוָה׃

ד

א וַיְהִי דְבַר־שְׁמוּאֵל לְכָל־יִשְׂרָאֵל וַיֵּצֵא יִשְׂרָאֵל לִקְרַאת
פְּלִשְׁתִּים לַמִּלְחָמָה וַיַּחֲנוּ עַל־הָאֶבֶן הָעֵזֶר וּפְלִשְׁתִּים
ב חָנוּ בַאֲפֵק׃ וַיַּעַרְכוּ פְלִשְׁתִּים לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל וַתִּטֹּשׁ
הַמִּלְחָמָה וַיִּנָּגֶף יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי פְלִשְׁתִּים וַיַּכּוּ בַמַּעֲרָכָה
ג בַּשָּׂדֶה כְּאַרְבַּעַת אֲלָפִים אִישׁ׃ וַיָּבֹא הָעָם אֶל־הַמַּחֲנֶה
וַיֹּאמְרוּ זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל לָמָּה נְגָפָנוּ יְהוָה הַיּוֹם לִפְנֵי
פְלִשְׁתִּים נִקְחָה אֵלֵינוּ מִשִּׁלֹה אֶת־אֲרוֹן בְּרִית יְהוָה וְיָבֹא
ד בְקִרְבֵּנוּ וְיֹשִׁעֵנוּ מִכַּף אֹיְבֵינוּ׃ וַיִּשְׁלַח הָעָם שִׁלֹה וַיִּשְׂאוּ
מִשָּׁם אֵת אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה צְבָאוֹת יֹשֵׁב הַכְּרֻבִים וְשָׁם
שְׁנֵי בְנֵי־עֵלִי עִם־אֲרוֹן בְּרִית הָאֱלֹהִים חָפְנִי וּפִינְחָס׃
ה וַיְהִי כְּבוֹא אֲרוֹן בְּרִית־יְהוָה אֶל־הַמַּחֲנֶה וַיָּרִעוּ כָל־
ו יִשְׂרָאֵל תְּרוּעָה גְדוֹלָה וַתֵּהֹם הָאָרֶץ׃ וַיִּשְׁמְעוּ פְלִשְׁתִּים
אֶת־קוֹל הַתְּרוּעָה וַיֹּאמְרוּ מֶה קוֹל הַתְּרוּעָה הַגְּדוֹלָה

ג, טו׳ ס״א אל   יח׳ בעיניו ק

ד

[1] און דאָס וואָרט פון שמואלן איז אַרויס צו גאַנץ ישׂראל.

און ישׂראל איז אַרויסגעגאַנגען אויף מלחמה אַקעגן די פּלשתּים, און זיי האָבן געלאַגערט ביי אֶבֶן־עֶזֶר, און די פּלשתּים האָבן געלאַגערט אין אַפֵק. [2] און די פּלשתּים האָבן זיך אויסגעשטעלט אַקעגן ישׂראל, און די מלחמה האָט זיך פאַרשפּרייט, און ישׂראל איז געשלאָגן געוואָרן פאַר די פּלשתּים; און זיי האָבן געטייט אין דער שלאַכט אויפן פעלד אַרום פיר טויזנט מאַן. [3] און אַז דאָס פאָלק איז צוריקגעקומען אין לאַגער, האָבן די עלטסטע פון ישׂראל געזאָגט: פאַרוואָס האָט אונדז היינט גאָט געשלאָגן פאַר די פּלשתּים? לאָמיר אַריבערנעמען צו אונדז פון שילו דעם אָרון פון גאָטס בונד, כדי ער זאָל קומען צווישן אונדז, און אונדז העלפן פון דער האַנט פון אונדזערע פיינט.

[4] האָט דאָס פאָלק געשיקט קיין שילו, און זיי האָבן אַריבערגעטראָגן פון דאָרטן דעם אָרון פון דעם בונד פון גאָט פון צבָאוֹת וואָס זיצט איבער די כּרובים; און דאָרטן זיינען געווען עֵלִיס צוויי זין ביי דעם אָרון פון גאָטס בונד, חָפנִי און פּינחס. [5] און עס איז געווען, ווי דער אָרון פון גאָטס בונד איז אָנגעקומען אין לאַגער, אַזוי האָבן גאַנץ ישׂראל געשאַלט אַ גרויסע שאַלונג, אַז די ערד איז פאַרהילכט געוואָרן. [6] און די פּלשתּים האָבן געהערט דעם קָול פון דער שאַלונג, און זיי האָבן געזאָגט: וואָס איז דער קָול פון דערדאָזיקער גרויסער שאַלונג

הַזֹּאת בְּמַחֲנֵה הָעִבְרִים וַיֵּדְעוּ כִּי אֲרוֹן יְהוָה בָּא אֶל־
הַמַּחֲנֶה׃ וַיִּרְאוּ הַפְּלִשְׁתִּים כִּי אָמְרוּ בָּא אֱלֹהִים אֶל־ ז
הַמַּחֲנֶה וַיֹּאמְרוּ אוֹי לָנוּ כִּי לֹא הָיְתָה כָּזֹאת אֶתְמוֹל
שִׁלְשֹׁם׃ אוֹי לָנוּ מִי יַצִּילֵנוּ מִיַּד הָאֱלֹהִים הָאַדִּירִים ח
הָאֵלֶּה אֵלֶּה הֵם הָאֱלֹהִים הַמַּכִּים אֶת־מִצְרַיִם בְּכָל־מַכָּה
בַּמִּדְבָּר׃ הִתְחַזְּקוּ וִהְיוּ לַאֲנָשִׁים פְּלִשְׁתִּים פֶּן תַּעַבְדוּ ט
לָעִבְרִים כַּאֲשֶׁר עָבְדוּ לָכֶם וִהְיִיתֶם לַאֲנָשִׁים וְנִלְחַמְתֶּם׃
וַיִּלָּחֲמוּ פְלִשְׁתִּים וַיִּנָּגֶף יִשְׂרָאֵל וַיָּנֻסוּ אִישׁ לְאֹהָלָיו י
וַתְּהִי הַמַּכָּה גְּדוֹלָה מְאֹד וַיִּפֹּל מִיִּשְׂרָאֵל שְׁלֹשִׁים אֶלֶף
רַגְלִי׃ וַאֲרוֹן אֱלֹהִים נִלְקָח וּשְׁנֵי בְנֵי־עֵלִי מֵתוּ חָפְנִי יא
וּפִינְחָס׃ וַיָּרָץ אִישׁ־בִּנְיָמִן מֵהַמַּעֲרָכָה וַיָּבֹא שִׁלֹה בַּיּוֹם יב
הַהוּא וּמַדָּיו קְרֻעִים וַאֲדָמָה עַל־רֹאשׁוֹ׃ וַיָּבוֹא וְהִנֵּה יג
עֵלִי יֹשֵׁב עַל־הַכִּסֵּא יַךְ* דֶּרֶךְ מְצַפֶּה כִּי־הָיָה לִבּוֹ חָרֵד
עַל אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וְהָאִישׁ בָּא לְהַגִּיד בָּעִיר וַתִּזְעַק כָּל־
הָעִיר׃ וַיִּשְׁמַע עֵלִי אֶת־קוֹל הַצְּעָקָה וַיֹּאמֶר מֶה קוֹל יד
הֶהָמוֹן הַזֶּה וְהָאִישׁ מִהַר וַיָּבֹא וַיַּגֵּד לְעֵלִי׃ וְעֵלִי בֶּן טו
תִּשְׁעִים וּשְׁמֹנֶה שָׁנָה וְעֵינָיו קָמָה וְלֹא יָכוֹל לִרְאוֹת׃
וַיֹּאמֶר הָאִישׁ אֶל־עֵלִי אָנֹכִי הַבָּא מִן־הַמַּעֲרָכָה וַאֲנִי מִן־ טז
הַמַּעֲרָכָה נַסְתִּי הַיּוֹם וַיֹּאמֶר מֶה־הָיָה הַדָּבָר בְּנִי׃
וַיַּעַן הַמְבַשֵּׂר וַיֹּאמֶר נָס יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי פְלִשְׁתִּים וְגַם יז
מַגֵּפָה גְדוֹלָה הָיְתָה בָעָם וְגַם־שְׁנֵי בָנֶיךָ מֵתוּ חָפְנִי
וּפִינְחָס וַאֲרוֹן הָאֱלֹהִים נִלְקָחָה׃ וַיְהִי כְּהַזְכִּירוֹ ׀ אֶת־ יח
אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיִּפֹּל מֵעַל־הַכִּסֵּא אֲחֹרַנִּית בְּעַד ׀ יַד
הַשַּׁעַר וַתִּשָּׁבֵר מַפְרַקְתּוֹ וַיָּמֹת כִּי־זָקֵן הָאִישׁ וְכָבֵד וְהוּא
שָׁפַט אֶת־יִשְׂרָאֵל אַרְבָּעִים שָׁנָה׃ וְכַלָּתוֹ אֵשֶׁת־פִּינְחָס יט
הָרָה לָלַת וַתִּשְׁמַע אֶת־הַשְּׁמֻעָה אֶל־הִלָּקַח אֲרוֹן הָאֱלֹהִים
וּמֵת חָמִיהָ וְאִישָׁהּ וַתִּכְרַע וַתֵּלֶד כִּי־נֶהֶפְכוּ עָלֶיהָ צִרֶיהָ׃

יג׳ יד ק

אין לאַגער פון די עבֿרים? און זיי זיינען געוואָר געוואָרן אַז דער אָרון פון גאָט איז אָנגעקומען אין לאַגער. [7] און די פּלשתּים האָבן מורא געקראָגן, וואָרום זיי האָבן געזאָגט: יהוה איז געקומען אין לאַגער. און זיי האָבן געזאָגט: ווי אונדז! וואָרום אַזוי־וואָס איז ניט געשען נעכטן־אײער־נעכטן. [8] ווי אונדז! ווער וועט אונדז מציל זיין פון דער האַנט פון די־דאָזיקע מאַכטיקע געטער? דאָס זיינען דאָך די געטער וואָס האָבן געשלאָגן די מצרים מיט אַלערליי שלעק אין מדבר. [9] שטאַרקט אײַך, און זייט מענער, איר פּלשתּים, כּדי איר זאָלט ניט דינען די עבֿרים, אַזוי ווי זיי האָבן אײַך געדינט; דרום זייט מענער, און איר זאָלט מלחמה האַלטן.

[10] און די פּלשתּים האָבן מלחמה געהאַלטן, און ישׂראל איז געשלאָגן געוואָרן, און זיי זיינען אַנטלאָפן איטלעכער צו זיינע געצעלטן. און עס איז געווען זייער אַ גרויסער שלאַק, און עס זיינען געפאַלן פון ישׂראל דרייסיק טויזנט פוסגייער. [11] און דער אָרון פון גאָט איז צוגענומען געוואָרן, און עליס צוויי זין זיינען געטייט געוואָרן, חפני און פּינחס.

[12] און אַ מאַן פון בנימין איז אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד, און ער איז אָנגעקומען קיין שילו אין דעם אייגענעם טאָג, מיט זיינע קליידער צעריסן, און ערד אויף זיין קאָפּ. [13] און ווי ער איז געקומען, ערשט עלי זיצט אויף אַ שטול ביים וועג, אויסקוקנדיק; וואָרום זיין האַרץ האָט געציטערט וועגן דעם אָרון פון גאָט. און דער מאַן איז געקומען אָנזאָגן אין שטאָט, און די גאַנצע שטאָט האָט אויפגעשריען. [14] און עלי האָט געהערט דעם קול פון דעם געשריי, און האָט געזאָגט: וואָס איז דער קול פון דעם־דאָזיקן ליאַרעם? האָט דער מאַן געאײַלט און איז צוגעקומען, און האָט עלין דערציילט. [15] און עלי איז געווען אַכט און נײַנציק יאָר אַלט, און זיינע אויגן זיינען געווען שטאַר, און ער האָט ניט געקענט זען. [16] האָט דער מאַן געזאָגט צו עלין: איך בין דער וואָס איז געקומען פון שלאַכטפעלד, און בין היינט אַנטלאָפן פון שלאַכטפעלד. האָט ער געזאָגט: ווי איז די זאַך געווען, מיין זון? [17] האָט דער אָנזאָגער געענטפערט און האָט געזאָגט: ישׂראל איז אַנטלאָפן פאַר די פּלשתּים, און עס איז אויך געווען אַ גרויסער שלאַק צווישן פאָלק, און אויך דיינעביידע זין זיינען געטייט געוואָרן, חפני און פּינחס, און דער אָרון פון גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרן.

[18] און עס איז געווען, ווי ער האָט דערמאָנט דעם אָרון פון גאָט, אַזוי איז ער אַראָפּגעפאַלן פון שטול הינטערווײַלעך ביין זייט פון טויער, און זיין גניק האָט זיך צעבראָכן, און ער איז געשטאָרבן; וואָרום דער מאַן איז געווען אַלט און שווערלייביק.

און ער האָט געמשפּט ישׂראל פערציק יאָר.

[19] און זיין שנור, פּינחסעס ווייב, איז געווען טראָגעדיק צום געווינען, און ווי זי האָט געהערט די הערונג, אַז דער אָרון פון גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרן, און איר שווער און איר מאַן זיינען טויט, אַזוי האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט און האָט

כ וּכְעֵת מוּתָהּ וַתְּדַבֵּרְנָה הַנִּצָּבוֹת עָלֶיהָ אַל־תִּירְאִי כִּי־בֵן
כא יָלָדְתְּ וְלֹא עָנְתָה וְלֹא־שָׁתָה לִבָּהּ׃ וַתִּקְרָא לַנַּעַר אִי־
כָבוֹד לֵאמֹר גָּלָה כָבוֹד מִיִּשְׂרָאֵל אֶל־הִלָּקַח אֲרוֹן הָאֱלֹהִים
כב וְאֶל־חָמִיהָ וְאִישָׁהּ׃ וַתֹּאמֶר גָּלָה כָבוֹד מִיִּשְׂרָאֵל כִּי נִלְקַח
אֲרוֹן הָאֱלֹהִים׃

## ה

א וּפְלִשְׁתִּים לָקְחוּ אֵת אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיְבִאֻהוּ מֵאֶבֶן הָעֵזֶר
ב אַשְׁדּוֹדָה׃ וַיִּקְחוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיָּבִאוּ אֹתוֹ
ג בֵּית דָּגוֹן וַיַּצִּיגוּ אֹתוֹ אֵצֶל דָּגוֹן׃ וַיַּשְׁכִּמוּ אַשְׁדּוֹדִים
מִמָּחֳרָת וְהִנֵּה דָגוֹן נֹפֵל לְפָנָיו אַרְצָה לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה
ד וַיִּקְחוּ אֶת־דָּגוֹן וַיָּשִׁבוּ אֹתוֹ לִמְקוֹמוֹ׃ וַיַּשְׁכִּמוּ בַבֹּקֶר
מִמָּחֳרָת וְהִנֵּה דָגוֹן נֹפֵל לְפָנָיו אַרְצָה לִפְנֵי אֲרוֹן יְהוָה
וְרֹאשׁ דָּגוֹן וּשְׁתֵּי ׀ כַּפּוֹת יָדָיו כְּרֻתוֹת אֶל־הַמִּפְתָּן רַק דָּגוֹן
ה נִשְׁאַר עָלָיו׃ עַל־כֵּן לֹא־יִדְרְכוּ כֹהֲנֵי דָגוֹן וְכָל־הַבָּאִים
בֵּית־דָּגוֹן עַל־מִפְתַּן דָּגוֹן בְּאַשְׁדּוֹד עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
ו וַתִּכְבַּד יַד־יְהוָה אֶל־הָאַשְׁדּוֹדִים וַיְשִׁמֵּם וַיַּךְ אֹתָם בַּעְפָלִים
ז אֶת־אַשְׁדּוֹד וְאֶת־גְּבוּלֶיהָ׃ וַיִּרְאוּ אַנְשֵׁי־אַשְׁדּוֹד כִּי־כֵן
וְאָמְרוּ לֹא־יֵשֵׁב אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל עִמָּנוּ כִּי־קָשְׁתָה יָדוֹ
ח עָלֵינוּ וְעַל דָּגוֹן אֱלֹהֵינוּ׃ וַיִּשְׁלְחוּ וַיַּאַסְפוּ אֶת־כָּל־סַרְנֵי
פְלִשְׁתִּים אֲלֵיהֶם וַיֹּאמְרוּ מַה־נַּעֲשֶׂה לַאֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
וַיֹּאמְרוּ גַּת יִסֹּב אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּסֵּבּוּ אֶת־אֲרוֹן אֱלֹהֵי
ט יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי אַחֲרֵי ׀ הֵסַבּוּ אֹתוֹ וַתְּהִי יַד־יְהוָה בָּעִיר
מְהוּמָה גְּדוֹלָה מְאֹד וַיַּךְ אֶת־אַנְשֵׁי הָעִיר מִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל
י וַיִּשָּׂתְרוּ לָהֶם עְפָלִים׃ וַיְשַׁלְּחוּ אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים עֶקְרוֹן
וַיְהִי כְּבוֹא אֲרוֹן הָאֱלֹהִים עֶקְרוֹן וַיִּזְעֲקוּ הָעֶקְרֹנִים לֵאמֹר
הֵסַבּוּ אֵלַי אֶת־אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל לַהֲמִיתֵנִי וְאֶת־עַמִּי׃
יא וַיְשַׁלְּחוּ וַיַּאַסְפוּ אֶת־כָּל־סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים וַיֹּאמְרוּ שַׁלְּחוּ אֶת־

ה, ו׳ בטחרים קרי ט׳ טחרים קרי

געבאָרן, וואָרום אירע ווייען זיינען געקומען אויף איר.
20 און בעת איר שטאַרבן, האָבן די ווײַבער וואָס זיינען
געשטאַנען לעבן איר, צו איר געזאָגט: זאָלסט ניט מורא
האָבן, וואָרום אַ זון האָסטו געבאָרן. אָבער זי האָט ניט
געענטפערט, און ניט צוגעטאָן איר האַרץ. 21 און זי האָט
גערופן דעם ייִנגל אי־כָבוד[א], אַזוי צו זאָגן: אָפּגעטאָן האָט
זיך דער כבוד פון ישראל; ווען דער אַוועקנעמונג פון דעם
אָרון פון גאָט, און ווען איר שווער און איר מאַן. 22 און זי
האָט געזאָגט: אָפּגעטאָן האָט זיך דער כבוד פון ישראל,
וואָרום דער אָרון פון גאָט איז אַוועקגענומען געוואָרן.

## ה

1 און די פּלשתים האָבן גענומען דעם אָרון פון גאָט,
און האָבן אים געבראַכט פון אֶבֶן־עֶזֶר קיין אַשדוד.
2 און די פּלשתים האָבן גענומען דעם אָרון פון גאָט, און
האָבן אים געבראַכט אין הויז פון דָגון, און אים אַוועקגע־
שטעלט לעבן דָגון. 3 און די אַשדודער האָבן זיך גע־
פּעדערט אויף מאָרגן, ערשט דָגון ליגט אַנידערגעפאַלן
אויף זיין פּנים צו דער ערד פאַר דעם אָרון פון גאָט; האָבן
זיי גענומען דָגון, און האָבן אים אומגעקערט אויף זיין אָרט.
4 און זיי האָבן זיך געפּעדערט אויף מאָרגן אין דער פרי,
ערשט דָגון ליגט אַנידערגעפאַלן אויף זיין פּנים צו דער
ערד פאַר דעם אָרון פון גאָט, און דער קאָפּ פון דָגון און
זיינע ביידע האַנטפלעכן ליגן אָפּגעהאַקט אויפן שוועל;
נאָר [דער לייב פון] דָגון איז אים געבליבן. 5 דרום
טרעטן ניט די פּריסטער פון דָגון, און אַלע וואָס קומען
אין הויז פון דָגון, אויף דעם שוועל פון דָגון אין אַשדוד ביז
אויף הייַנטיקן טאָג.

6 און די האַנט פון גאָט איז געווען שווער אויף די אַשדודער און ער האָט זיי פאַרוויסט, און האָט זיי געפּלאָגט מיט
בלאָטערן—אַשדוד מיט אירע געמאַרקן. 7 און ווי די אַשדודער האָבן געזען אַז עס האַלט אַזוי, האָבן זיי געזאָגט: דער
אָרון פון דעם גאָט פון ישראל טאָר ניט בלייבן ביי אונדז, וואָרום זיין האַנט איז האַרט אויף אונדז און אויף דָגון אונדזער
גאָט.

8 און זיי האָבן געשיקט און האָבן איינגעזאַמלט צו זיך אַלע פירשטן פון די פּלשתים, און זיי האָבן געזאָגט: וואָס
זאָלן מיר טאָן מיט דעם אָרון פון דעם גאָט פון ישראל? האָבן יענע געזאָגט קיין גַת זאָל אַריבערגיין דער אָרון פון דעם
גאָט פון ישראל. און זיי האָבן אַריבערגעטראָגן דעם אָרון פון דעם גאָט פון ישראל.

9 און עס איז געווען, נאָכדעם ווי זיי האָבן אים אַריבערגעטראָגן, איז די האַנט פון גאָט געווען אין דער שטאָט מיט
זייער אַ גרויסער מהומה, און ער האָט געפּלאָגט די מענטשן פון דער שטאָט פון קליין ביז גרויס, און עס האָבן אויסגע־
בראָכן ביי זיי בלאָטערן. 10 האָבן זיי אַוועקגעשיקט דעם אָרון פון גאָט קיין עֶקרון.

און עס איז געווען, ווי דער אָרון פון גאָט איז אָנגעקומען קיין עֶקרון, האָבן די עֶקרונער געשריען, אַזוי צו
זאָגן: מע האָט אַריבערגעבראַכט צו מיר דעם אָרון פון דעם גאָט פון ישראל, צו טייטן מיך און מיין פאָלק.
11 און זיי האָבן געשיקט און האָבן איינגעזאַמלט אַלע פירשטן פון די פּלשתים, און זיי האָבן געזאָגט: שיקט אַוועק

[א] אויס כבוד.

אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל וְיָשֹׁב לִמְקֹמוֹ וְלֹא־יָמִית אֹתִי וְאֶת־
עַמִּי כִּי־הָיְתָה מְהוּמַת־מָוֶת בְּכָל־הָעִיר כָּבְדָה מְאֹד יַד
הָאֱלֹהִים שָׁם׃ וְהָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר לֹא־מֵתוּ הֻכּוּ בַּעְפֹלִים יב
וַתַּעַל שַׁוְעַת הָעִיר הַשָּׁמָיִם׃

ו

וַיְהִי אֲרוֹן־יְהוָה בִּשְׂדֵה פְלִשְׁתִּים שִׁבְעָה חֳדָשִׁים׃ וַיִּקְרְאוּ א ב
פְלִשְׁתִּים לַכֹּהֲנִים וְלַקֹּסְמִים לֵאמֹר מַה־נַּעֲשֶׂה לַאֲרוֹן
יְהוָה הוֹדִעֻנוּ בַּמֶּה נְשַׁלְּחֶנּוּ לִמְקוֹמוֹ׃ וַיֹּאמְרוּ אִם־ ג
מְשַׁלְּחִים אֶת־אֲרוֹן אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אַל־תְּשַׁלְּחוּ אֹתוֹ רֵיקָם
כִּי־הָשֵׁב תָּשִׁיבוּ לוֹ אָשָׁם אָז תֵּרָפְאוּ וְנוֹדַע לָכֶם לָמָּה
לֹא־תָסוּר יָדוֹ מִכֶּם׃ וַיֹּאמְרוּ מָה הָאָשָׁם אֲשֶׁר נָשִׁיב לוֹ ד
וַיֹּאמְרוּ מִסְפַּר סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים חֲמִשָּׁה עָפְלֵי זָהָב וַחֲמִשָּׁה
עַכְבְּרֵי זָהָב כִּי־מַגֵּפָה אַחַת לְכֻלָּם וּלְסַרְנֵיכֶם׃ וַעֲשִׂיתֶם ה
צַלְמֵי עָפְלֵיכֶם וְצַלְמֵי עַכְבְּרֵיכֶם הַמַּשְׁחִיתִם אֶת־הָאָרֶץ
וּנְתַתֶּם לֵאלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כָּבוֹד אוּלַי יָקֵל אֶת־יָדוֹ מֵעֲלֵיכֶם
וּמֵעַל אֱלֹהֵיכֶם וּמֵעַל אַרְצְכֶם׃ וְלָמָּה תְכַבְּדוּ אֶת־לְבַבְכֶם ו
כַּאֲשֶׁר כִּבְּדוּ מִצְרַיִם וּפַרְעֹה אֶת־לִבָּם הֲלוֹא כַּאֲשֶׁר
הִתְעַלֵּל בָּהֶם וַיְשַׁלְּחוּם וַיֵּלֵכוּ׃ וְעַתָּה קְחוּ וַעֲשׂוּ עֲגָלָה ז
חֲדָשָׁה אֶחָת וּשְׁתֵּי פָרוֹת עָלוֹת אֲשֶׁר לֹא־עָלָה עֲלֵיהֶם
עֹל וַאֲסַרְתֶּם אֶת־הַפָּרוֹת בָּעֲגָלָה וַהֲשֵׁיבֹתֶם בְּנֵיהֶם
מֵאַחֲרֵיהֶם הַבָּיְתָה׃ וּלְקַחְתֶּם אֶת־אֲרוֹן יְהוָה וּנְתַתֶּם ח
אֹתוֹ אֶל־הָעֲגָלָה וְאֵת ׀ כְּלֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר הֲשֵׁבֹתֶם לוֹ אָשָׁם
תָּשִׂימוּ בָאַרְגַּז מִצִּדּוֹ וְשִׁלַּחְתֶּם אֹתוֹ וְהָלָךְ׃ וּרְאִיתֶם אִם־ ט
דֶּרֶךְ גְּבוּלוֹ יַעֲלֶה בֵּית שֶׁמֶשׁ הוּא עָשָׂה לָנוּ אֶת־הָרָעָה
הַגְּדוֹלָה הַזֹּאת וְאִם־לֹא וְיָדַעְנוּ כִּי לֹא יָדוֹ נָגְעָה בָּנוּ מִקְרֶה
הוּא הָיָה לָנוּ׃ וַיַּעֲשׂוּ הָאֲנָשִׁים כֵּן וַיִּקְחוּ שְׁתֵּי פָרוֹת עָלוֹת י
וַיַּאַסְרוּם בָּעֲגָלָה וְאֶת־בְּנֵיהֶם כָּלוּ בַבָּיִת׃ וַיָּשִׂמוּ אֶת־ יא

ה, יב׳ בטחרים קרי ו, ד׳ טחרי קרי ה׳ טחריכם קרי

דעם אָרון פֿון דעם גאָט פֿון ישׂראל, און זאָל ער זיך אומקערן צו זיין אָרט, כּדי ער זאָל ניט טייטן מיך און מיין פֿאָלק. וואָרום אַ טויט־מהומה איז געווען אין דער גאַנצער שטאָט; די האַנט פֿון גאָט איז דאָרטן געווען זייער שווער.
[12] און די מענטשן וואָס זיינען ניט געשטאָרבן, זיינען געפּלאָגט געוואָרן מיט בלאָטערן, און דאָס געשריי פֿון דער שטאָט איז אַרויף ביזן הימל.

ו [1] און דער אָרון פֿון גאָט איז אָפּגעווען אין פֿעלד פֿון די פּלשתּים זיבן חדשים. [2] האָבן די פּלשתּים גערופֿן די פּריסטער און די וואָרזאָגער, אַזוי צו זאָגן: וואָס זאָלן מיר טאָן מיט דעם אָרון פֿון גאָט? מאַכט אונדז וויסן מיט וואָס מיר זאָלן אים אָפּשיקן צו זיין אָרט. [3] האָבן זיי געזאָגט: אַז איר שיקט אָפּ דעם אָרון פֿון דעם גאָט פֿון ישׂראל, זאָלט איר אים ניט אָפּשיקן מיט ליידיקן; נייערט אָפּצאָלן זאָלט איר אים אָפּצאָלן אַ שולדאָפּפֿער; דענסטמאָל וועט איר געהיילט ווערן, און אַייך וועט באַוווסט ווערן פֿאַרוואָס זיין האַנט האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פֿון אַייך. [4] האָבן זיי געזאָגט: וואָס זאָל זיין דאָס שולדאָפּפֿער וואָס מיר זאָלן אים אָפּצאָלן? האָבן זיי געזאָגט: לויט דער צאָל פֿון די פֿירשטן פֿון די פּלשתּים, פֿינף גילדערנע בלאָטערן און פֿינף גילדערנע מייז; וואָרום איין מגפֿה איז געווען אויף אַלעמען און אויף אַייערע פֿירשטן. [5] דרום זאָלט איר מאַכן די געשטאַלטן פֿון אַייערע בלאָטערן, און די געשטאַלטן פֿון אַייערע מייז, וואָס פֿאַרדאָרבן אַייער לאַנד, און איר זאָלט געבן כּבוד צום גאָט פֿון ישׂראל; אפֿשר וועט ער פֿאַרגרינגערן זיין האַנט פֿון אַייך, און פֿון אַייערע געטער, און פֿון אַייער לאַנד. [6] און נאָך וואָס זאָלט איר האַרט מאַכן אַייער האַרץ, אַזוי ווי די מִצרים און פּרעה האָבן האַרט געמאַכט זייער האַרץ? פֿאַרוואָר, אַז ער האָט זיך אָנגעטאָן אָן זיי, האָבן זיי זיי אַוועקגעלאָזן, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען. [7] און אַצונד, נעמט און מאַכט אַ נייעם וואָגן, און צוויי געקעלבטע קי, וואָס אויף זיי איז ניט אַרויף אַ יאָך; און איר זאָלט איינשפּאַנען די קי אין דעם וואָגן, און אומקערן זייערע קעלבער פֿון הינטער זיי אַהיים. [8] און איר זאָלט נעמען דעם אָרון פֿון גאָט, און אים אַרויפֿלייגן אויפֿן וואָגן, און די גילדערנע זאַכן וואָס איר צאָלט אים אָפּ פֿאַר אַ שולדאָפּפֿער, זאָלט איר אַריינטאָן אין אַ קאָסטן אים ביין זייט; און איר זאָלט אים אַוועקלאָזן ער זאָל גיין. [9] וועט איר זען, אויב מיט דעם וועג פֿון זיין געמאַרק וועט ער אַרויפֿגיין, קיין בית־שֶׁמֶש, האָט ער אונדז געטאָן דאָסדאָזיקע גרויסע בייז, און אויב ניט, וועלן מיר וויסן אַז ניט זיין האַנט האָט אונדז געטראָפֿן; דאָס איז אונדז אַ סיבה געשען.

[10] האָבן די מענטשן אַזוי געטאָן; און זיי האָבן גענומען צוויי געקעלבטע קי, און זיי איינגעשפּאַנט אין אַ וואָגן, און זייערע קעלבער האָבן זיי פֿאַרשפּאַרט אין דער היים. [11] און זיי האָבן אַרויפֿגעטאָן אויפֿן וואָגן

דעם אָרון פון גאָט, און דעם קאַסטן מיט די גילדערנע מייז און די געשטאַלטן פון זייערע בלאָטערן. [12] און די קי האָבן זיך פאַרנומען גלייך מיטן וועג, אויפן וועג פון בית־שמש; אויף איין שליאַך זיינען זיי געגאַנגען, געגאַנגען און געמרוקעט, און זיי האָבן זיך ניט אָפּגעקערט רעכטס אָדער לינקס. און די פירשטן פון די פלשתים זיינען געגאַנגען הינטער זיי ביז דעם געמאַרק פון בית־שמש.

[13] און די בית־שמשער האָבן געשניטן דעם שניט פון ווייץ אין טאָל, און זיי האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן, און האָבן דערזען דעם אָרון, און האָבן זיך דערפרייט אים צו זען. [14] און דער וואָגן איז צוגעקומען צו דעם פעלד פון יהושע דעם בית־שמשער, און האָט זיך דאָרטן אָפּגעשטעלט. און דאָרטן איז געווען אַ גרויסער שטיין, האָבן זיי צעהאַקט דאָס האָלץ פון וואָגן, און די קי האָבן זיי אויפגעבראַכט אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט. [15] און די לויִים האָבן אַראָפּגענומען דעם אָרון פון גאָט, און דעם קאַסטן וואָס מיט אים, וואָס דרינען זיינען געווען די גילדערנע זאַכן, און אַרויפגעטאָן אויף דעם גרויסן שטיין. און די מענטשן פון בית־שמש האָבן אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער און געשלאַכט שלאַכטאָפּפער אין יענעם טאָג צו גאָט.

[16] און די פינף פירשטן פון די פלשתים האָבן דאָס געזען, און זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין עקרון אין דעם אייגענעם טאָג.

ארון יהוה אל־העגלה ואת הארגז ואת עכברי הזהב
יב ואת צלמי טחריהם: וישרנה הפרות בדרך על־דרך
בית שמש במסלה אחת הלכו הלך וגעו ולא־סרו ימין
ושמאול וסרני פלשתים הלכים אחריהם עד־גבול בית
יג שמש: ובית שמש קצרים קציר־חטים בעמק וישאו
יד את־עיניהם ויראו את־הארון וישמחו לראות: והעגלה
באה אל־שדה יהושע בית־השמשי ותעמד שם ושם
אבן גדולה ויבקעו את־עצי העגלה ואת־הפרות העלו
טו עלה ליהוה: והלוים הורידו | את־ארון יהוה ואת־הארגז
אשר־אתו אשר־בו כלי־זהב וישמו אל־האבן הגדולה
ואנשי בית־שמש העלו עלות ויזבחו זבחים ביום ההוא
טז ליהוה: וחמשה סרני־פלשתים ראו וישבו עקרון ביום
יז ההוא: ואלה טחרי הזהב אשר השיבו פלשתים
אשם ליהוה לאשדוד אחד לעזה אחד לאשקלון אחד
יח לגת אחד לעקרון אחד: ועכברי הזהב מספר
כל־ערי פלשתים לחמשת הסרנים מעיר מבצר ועד
כפר הפרזי ועד | אבל הגדולה אשר הניחו עליה את
ארון יהוה עד היום הזה בשדה יהושע בית־השמשי:
יט ויך באנשי בית־שמש כי ראו בארון יהוה ויך בעם
שבעים איש חמשים אלף איש ויתאבלו העם כי־הכה
כ יהוה בעם מכה גדולה: ויאמרו אנשי בית־שמש מי
יוכל לעמד לפני יהוה האלהים הקדוש הזה ואל־מי
כא יעלה מעלינו: וישלחו מלאכים אל־יושבי קרית־
יערים לאמר השבו פלשתים את־ארון יהוה רדו העלו
אתו אליכם:

ז

א ויבאו אנשי | קרית יערים ויעלו את־ארון יהוה ויבאו

ו, יב׳ יתיר ו

[17] און דאָס זיינען די גילדערנע בלאָטערן וואָס די פלשתים האָבן אָפּגעצאָלט אַ שולדאָפּפער צו גאָט; פאַר אַשדוד איינער, פאַר עזה איינער, פאַר אַשקלון איינער, פאַר גת איינער, פאַר עקרון איינער. [18] און די גילדערנע מייז זיינען געווען די צאָל פון אַלע שטעט פון די פלשתים אונטער די פינף פירשטן, פון אַ פעסטונגשטאָט און ביז אַן אָפענעם דאָרף, און ביז דעם גרויסן שטיין, וואָס זיי האָבן אויף אים אַרויפגעלייגט דעם אָרון פון גאָט; ער איז ביז אויף היינטיקן טאָג אין דעם פעלד פון יהושע דעם בית־שמשער.

[19] און ער האָט געשלאָגן צווישן די מענטשן פון בית־שמש, ווייל זיי האָבן געקוקט אויף דעם אָרון פון גאָט, און ער האָט געשלאָגן צווישן דעם פאָלק זיבעציק מאַן און פופציק טויזנט מאַן. און דאָס פאָלק האָט געטרויערט וואָס גאָט האָט געשלאָגן צווישן דעם פאָלק אַ גרויסן שלאַק. [20] און די מענטשן פון בית־שמש האָבן געזאָגט: ווער קען באַשטיין פאַר יהוה, דעמדאָזיקן הייליקן גאָט? און צו וועמען זאָל ער אַרויפגיין פון אונדז?

[21] האָבן זיי געשיקט שלוחים צו די באַוווינער פון קרית־יערים, אַזוי צו זאָגן: די פלשתים האָבן אומגעקערט דעם אָרון פון גאָט. נידערט אַראָפּ, נעמט אים אַרויף צו אײַך.

ז [1] און די מענטשן פון קרית־יערים זיינען געקומען, און האָבן אַרויפגעבראַכט דעם אָרון פון גאָט, און אים געבראַכט

אֹתוֹ אֶל־בֵּית אֲבִינָדָב בַּגִּבְעָה וְאֶת־אֶלְעָזָר בְּנוֹ קִדְּשׁוּ
לִשְׁמֹר אֶת־אֲרוֹן יְהוָה׃ וַיְהִי מִיּוֹם שֶׁבֶת הָאָרוֹן ב
בְּקִרְיַת יְעָרִים וַיִּרְבּוּ הַיָּמִים וַיִּהְיוּ עֶשְׂרִים שָׁנָה וַיִּנָּהוּ כָּל־
בֵּית יִשְׂרָאֵל אַחֲרֵי יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־כָּל־בֵּית ג
יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר אִם־בְּכָל־לְבַבְכֶם אַתֶּם שָׁבִים אֶל־יְהוָה
הָסִירוּ אֶת־אֱלֹהֵי הַנֵּכָר מִתּוֹכְכֶם וְהָעַשְׁתָּרוֹת וְהָכִינוּ
לְבַבְכֶם אֶל־יְהוָה וְעִבְדֻהוּ לְבַדּוֹ וְיַצֵּל אֶתְכֶם מִיַּד
פְּלִשְׁתִּים׃ וַיָּסִירוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־הַבְּעָלִים וְאֶת־ ד
הָעַשְׁתָּרֹת וַיַּעַבְדוּ אֶת־יְהוָה לְבַדּוֹ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל ה
קִבְצוּ אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל הַמִּצְפָּתָה וְאֶתְפַּלֵּל בַּעַדְכֶם אֶל־
יְהוָה׃ וַיִּקָּבְצוּ הַמִּצְפָּתָה וַיִּשְׁאֲבוּ־מַיִם וַיִּשְׁפְּכוּ ׀ לִפְנֵי יְהוָה ו
וַיָּצוּמוּ בַּיּוֹם הַהוּא וַיֹּאמְרוּ שָׁם חָטָאנוּ לַיהוָה וַיִּשְׁפֹּט
שְׁמוּאֵל אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בַּמִּצְפָּה׃ וַיִּשְׁמְעוּ פְלִשְׁתִּים כִּי־ ז
הִתְקַבְּצוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל הַמִּצְפָּתָה וַיַּעֲלוּ סַרְנֵי־פְלִשְׁתִּים אֶל־
יִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁמְעוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּרְאוּ מִפְּנֵי פְלִשְׁתִּים׃ וַיֹּאמְרוּ ח
בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶל־שְׁמוּאֵל אַל־תַּחֲרֵשׁ מִמֶּנּוּ מִזְּעֹק אֶל־
יְהוָה אֱלֹהֵינוּ וְיֹשִׁעֵנוּ מִיַּד פְּלִשְׁתִּים׃ וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל טְלֵה ט
חָלָב אֶחָד וַיַּעֲלֶה עוֹלָה כָּלִיל לַיהוָה וַיִּזְעַק שְׁמוּאֵל אֶל־
יְהוָה בְּעַד יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲנֵהוּ יְהוָה׃ וַיְהִי שְׁמוּאֵל מַעֲלֶה י
הָעוֹלָה וּפְלִשְׁתִּים נִגְּשׁוּ לַמִּלְחָמָה בְּיִשְׂרָאֵל וַיַּרְעֵם יְהוָה ׀
בְּקוֹל־גָּדוֹל בַּיּוֹם הַהוּא עַל־פְּלִשְׁתִּים וַיְהֻמֵּם וַיִּנָּגְפוּ לִפְנֵי
יִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּצְאוּ אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל מִן־הַמִּצְפָּה וַיִּרְדְּפוּ אֶת־ יא
פְּלִשְׁתִּים וַיַּכּוּם עַד־מִתַּחַת לְבֵית כָּר׃ וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל יב
אֶבֶן אַחַת וַיָּשֶׂם בֵּין־הַמִּצְפָּה וּבֵין הַשֵּׁן וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמָהּ
אֶבֶן הָעָזֶר וַיֹּאמַר עַד־הֵנָּה עֲזָרָנוּ יְהוָה׃ וַיִּכָּנְעוּ הַפְּלִשְׁתִּים יג
וְלֹא־יָסְפוּ עוֹד לָבוֹא בִּגְבוּל יִשְׂרָאֵל וַתְּהִי יַד־יְהוָה
בַּפְּלִשְׁתִּים כֹּל יְמֵי שְׁמוּאֵל׃ וַתָּשֹׁבְנָה הֶעָרִים אֲשֶׁר יד

ט׳ ויעלהו קרי

אין הויז פון אַבִינָדָבן אויפן בערגל; און אֶלעָזָר זיין זון האָבן זיי געהייליקט צו היטן דעם אָרון פון גאָט.

[2] און עס איז געווען: פון זינט דעם טאָג וואָס דער אָרון איז פאַרבליבן אין קִרְיַת־יְעָרים האָבן זיך געמערט די טעג, און עס זיינען געוואָרן צוואַנציק יאָר; און דאָס גאַנצע הויז פון ישׂראל האָט געבענקט נאָך יהוה. [3] און שמואל האָט געזאָגט צום גאַנצן הויז פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: אויב מיט אײַער גאַנצן האַרצן קערט איר אײַך אום צו יהוה, טוט אָפּ די פרעמדע געטער פון צווישן אײַך, און די עַשתָּרות, און בּרייט אָן אײַער האַרץ צו יהוה, און דינט אים אַליין, און ער וועט אײַך מציל זיין פון דער האַנט פון די פּלִשתּים.

[4] האָבן די קינדער פון ישׂראל אָפּגעטאָן די בַּעַל־געטער און די עַשתָּרות, און זיי האָבן געדינט יהוה אַליין. [5] און שמואל האָט געזאָגט: זאַמלט אײַן גאַנץ ישׂראל קיין מִצפָּה, און איך וועל מתפּלל זיין פאַר אײַך צו גאָט.

[6] האָבן זיי זיך אײַנגעזאַמלט קיין מִצפָּה, און זיי האָבן געשעפּט וואַסער און אויסגעגאָסן פאַר גאָט, און זיי האָבן געפאַסט אין יענעם טאָג, און געזאָגט דאָרטן: מיר האָבן געזינדיקט צו גאָט.

און שמואל האָט געמשפּט די קינדער פון ישׂראל אין מִצפָּה.

[7] און די פּלִשתּים האָבן געהערט, אַז די קינדער פון ישׂראל האָבן זיך אײַנגעזאַמלט קיין מִצפָּה, און די פירשטן פון די פּלִשתּים זיינען אַרויפגעגאַנגען קעגן ישׂראל. און די קינדער פון ישׂראל האָבן דערהערט, און האָבן מורא געהאַט פאַר די פּלִשתּים. [8] און די קינדער פון ישׂראל האָבן געזאָגט צו שמואלן: זאָלסט ניט אויפהערן שרייען פון אונדזערטוועגן צו יהוה אונדזער גאָט, ער זאָל אונדז העלפן פון דער האַנט פון די פּלִשתּים.

[9] האָט שמואל גענומען אַ מילכלעמעלע, און האָט עס אויפגעבראַכט אין גאַנצן אַ בראַנדאָפּפער צו גאָט. און שמואל האָט געשריען צו גאָט פאַר ישׂראל, און גאָט האָט אים געענטפערט.

[10] און עס איז געווען, ווי שמואל ברענגט אויף דאָס בראַנדאָפּפער, אַזוי האָבן די פּלִשתּים גענענט אויף מלחמה אַקעגן ישׂראל; אָבער גאָט האָט געדונערט מיט גרויס געפּילדער אין יענעם טאָג אויף די פּלִשתּים, און ער האָט זיי פאַר־טומלט, און זיי זיינען געשלאָגן געוואָרן פאַר ישׂראל. [11] און די מענער פון ישׂראל זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מִצפָּה, און האָבן נאָכגעיאָגט די פּלִשתּים, און זיי געשלאָגן ביז אונטער בֵּית־כָּר.

[12] און שמואל האָט גענומען אַ שטיין, און האָט אים אויפגעשטעלט צווישן מִצפָּה און צווישן שֵן, און האָט גערופן זיין נאָמען אֶבֶן־עֶזֶר[א], וואָרום ער האָט געזאָגט: ביז דאַנען האָט אונדז גאָט געהאָלפן.

[13] און די פּלִשתּים זיינען אונטערטעניק געוואָרן, און זיי זיינען מער ניט געקומען אין דעם גבול פון ישׂראל. און די האַנט פון גאָט איז געווען אויף די פּלִשתּים אַלע טעג פון שמואלן. [14] און די שטעט וואָס די פּלִשתּים האָבן געהאַט

[א] שטיין פון הילף.

לְקָחוּ־פְלִשְׁתִּים מֵאֵת יִשְׂרָאֵל לְיִשְׂרָאֵל מֵעֶקְרוֹן וְעַד־
גַּת וְאֶת־גְּבוּלָן הִצִּיל יִשְׂרָאֵל מִיַּד פְּלִשְׁתִּים וַיְהִי שָׁלוֹם
טו בֵּין יִשְׂרָאֵל וּבֵין הָאֱמֹרִי׃ וַיִּשְׁפֹּט שְׁמוּאֵל אֶת־יִשְׂרָאֵל כֹּל
טז יְמֵי חַיָּיו׃ וְהָלַךְ מִדֵּי שָׁנָה בְּשָׁנָה וְסָבַב בֵּית־אֵל וְהַגִּלְגָּל
וְהַמִּצְפָּה וְשָׁפַט אֶת־יִשְׂרָאֵל אֵת כָּל־הַמְּקוֹמוֹת הָאֵלֶּה׃
יז וּתְשֻׁבָתוֹ הָרָמָתָה כִּי־שָׁם בֵּיתוֹ וְשָׁם שְׁפָטוֹ אֶת־יִשְׂרָאֵל
וַיִּבֶן־שָׁם מִזְבֵּחַ לַיהוָה׃

ח

א וַיְהִי כַּאֲשֶׁר זָקֵן שְׁמוּאֵל וַיָּשֶׂם אֶת־בָּנָיו שֹׁפְטִים לְיִשְׂרָאֵל׃
ב וַיְהִי שֶׁם־בְּנוֹ הַבְּכוֹר יוֹאֵל וְשֵׁם מִשְׁנֵהוּ אֲבִיָּה שֹׁפְטִים
ג בִּבְאֵר שָׁבַע׃ וְלֹא־הָלְכוּ בָנָיו בִּדְרָכָו וַיִּטּוּ אַחֲרֵי הַבָּצַע
ד וַיִּקְחוּ־שֹׁחַד וַיַּטּוּ מִשְׁפָּט׃ וַיִּתְקַבְּצוּ כֹּל זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל
ה וַיָּבֹאוּ אֶל־שְׁמוּאֵל הָרָמָתָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו הִנֵּה אַתָּה זָקַנְתָּ
וּבָנֶיךָ לֹא הָלְכוּ בִּדְרָכֶיךָ עַתָּה שִׂימָה־לָּנוּ מֶלֶךְ לְשָׁפְטֵנוּ
ו כְּכָל־הַגּוֹיִם׃ וַיֵּרַע הַדָּבָר בְּעֵינֵי שְׁמוּאֵל כַּאֲשֶׁר אָמְרוּ
תְּנָה־לָּנוּ מֶלֶךְ לְשָׁפְטֵנוּ וַיִּתְפַּלֵּל שְׁמוּאֵל אֶל־יְהוָה׃
ז וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל שְׁמַע בְּקוֹל הָעָם לְכֹל אֲשֶׁר־
יֹאמְרוּ אֵלֶיךָ כִּי לֹא אֹתְךָ מָאָסוּ כִּי־אֹתִי מָאֲסוּ מִמְּלֹךְ
ח עֲלֵיהֶם׃ כְּכָל־הַמַּעֲשִׂים אֲשֶׁר־עָשׂוּ מִיּוֹם הַעֲלֹתִי אוֹתָם
מִמִּצְרַיִם וְעַד־הַיּוֹם הַזֶּה וַיַּעַזְבֻנִי וַיַּעַבְדוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים
ט כֵּן הֵמָּה עֹשִׂים גַּם־לָךְ׃ וְעַתָּה שְׁמַע בְּקוֹלָם אַךְ כִּי־הָעֵד
תָּעִיד בָּהֶם וְהִגַּדְתָּ לָהֶם מִשְׁפַּט הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר יִמְלֹךְ עֲלֵיהֶם׃
י וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֵת כָּל־דִּבְרֵי יְהוָה אֶל־הָעָם הַשֹּׁאֲלִים
יא מֵאִתּוֹ מֶלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר זֶה יִהְיֶה מִשְׁפַּט הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר יִמְלֹךְ
עֲלֵיכֶם אֶת־בְּנֵיכֶם יִקָּח וְשָׂם לוֹ בְּמֶרְכַּבְתּוֹ וּבְפָרָשָׁיו
יב וְרָצוּ לִפְנֵי מֶרְכַּבְתּוֹ׃ וְלָשׂוּם לוֹ שָׂרֵי אֲלָפִים וְשָׂרֵי
חֲמִשִּׁים וְלַחֲרֹשׁ חֲרִישׁוֹ וְלִקְצֹר קְצִירוֹ וְלַעֲשׂוֹת כְּלֵי־

---

ז, יז׳ כולו קמץ   ח, ג׳ בדרכו קרי   ו׳ קמץ בז״ק   יא׳ חזק בקמץ

צוגענומען פון ישׂראל, האָבן זיך אומגעקערט צו ישׂראל, פון עֶקרוֹן און ביז גַת און זייער געמאַרק האָט ישׂראל מציל געווען פון דער האַנט פון די פּלשתּים.

און עס איז געווען שלום צווישן ישׂראל און צווישן דעם אֶמוֹרי.

[15] און שמואל האָט געמשפּט ישׂראל אַלע טעג פון זיין לעבן. [16] און ער פלעגט גיין יאָר אַיין יאָר אויס און אַרומגיין קיין בֵּית־אֵל, און גִלגָל, און מִצפָּה, און משפּטן ישׂראל אין אַלע דידאָזיקע ערטער. [17] און זיין צוריקקער פלעגט זיין קיין רָמָה, וואָרום דאָרטן איז געווען זיין הויז, און דאָרטן האָט ער געמשפּט ישׂראל; און ער האָט דאָרטן געבויט אַ מזבח צו גאָט.

ח [1] און עס איז געווען, אַז שמואל איז אַלט געוואָרן, האָט ער געמאַכט זיינע זין שופטים אויף ישׂראל. [2] און דער נאָמען פון זיין ערשטגעבאָרענעם זון איז געווען יוֹאֵל, און דער נאָמען פון דעם צווייטן פון אים אֲבִיָה; זיי זיינען געווען שופטים אין בְּאֵר־שֶׁבַע. [3] און זיינע זין זיינען נישט געגאַנגען אין זיינע וועגן, און זיי האָבן זיך אָפּגענייגט נאָך געווין, און האָבן גענומען שוחד, און פאַרדרייט דעם משפּט.

[4] האָבן זיך איינגעזאַמלט אַלע עלטסטע פון ישׂראל, און זיי זיינען געקומען צו שמואלן קיין רָמָה, [5] און האָבן צו אים געזאָגט: זע, דו ביסט אַלט, און דיינע זין גייען ניט אין דיינע וועגן. אַצונד, מאַך אונדז אַ מלך אונדז צו משפּטן אַזוי ווי אַלע פעלקער.

[6] און די זאַך איז געווען שלעכט אין די אויגן פון שמואלן, אַז זיי האָבן געזאָגט: גיב אונדז אַ מלך אונדז צו משפּטן. און שמואל האָט מתפּלל געווען צו גאָט. [7] האָט גאָט געזאָגט צו שמואלן: הער צו דעם קָול פון דעם פאָלק אין אַלץ וואָס זיי זאָגן צו דיר; וואָרום נישט דיך האָבן זיי פאַראַכט, נאָר מיך האָבן זיי פאַראַכט פון צו קיניגן איבער זיי. [8] אַזוי ווי אַלע זייערע טואונגען וואָס זיי האָבן געטאָן פון דעם טאָג וואָס איך האָב זיי אויפגעבראַכט פון מִצרַיִם און ביז היינטיקן טאָג, וואָס זיי האָבן מיך פאַרלאָזן און געדינט פרעמדע געטער, אַזוי טוען זיי אויך צו דיר. [9] און אַצונד, הער צו זייער קָול, נאָר וואָרענען זאָלסטו זיי וואָרענען, און זיי דערציילן דעם שטייגער פון דעם מלך וואָס וועט קיניגן איבער זיי.

[10] האָט שמואל געזאָגט אַלע ווערטער פון גאָט צו דעם פאָלק וואָס האָט פאַרלאַנגט פון אים אַ מלך. [11] און ער האָט געזאָגט: דאָס וועט זיין דער שטייגער פון דעם מלך וואָס וועט קיניגן איבער אייך: אייערע זין וועט ער צונעמען און וועט זיי פאַרטאָן פאַר זיך ביי זיין רייטוואָגן, און ביי זיינע פערד, און זיי וועלן לויפן פאַר זיין רייטוואָגן. [12] און ער וועט זיי זיך מאַכן פאַר הויפּטלייט פון טויזנט, און הויפּטלייט פון פופציק, און אויף צו אַקערן זיין אַקער, און צו שניידן זיין שניט, און

מלחמתו וכלי רכבו׃ ואת־בנותיכם יקח לרקחות יג
ולטבחות ולאפות׃ ואת־שדותיכם ואת־כרמיכם וזיתיכם יד
הטובים יקח ונתן לעבדיו׃ וזרעיכם וכרמיכם יעשר טו
ונתן לסריסיו ולעבדיו׃ ואת־עבדיכם ואת־שפחותיכם טז
ואת־בחוריכם הטובים ואת־חמוריכם יקח ועשה
למלאכתו׃ צאנכם יעשר ואתם תהיו־לו לעבדים׃ יז
וזעקתם ביום ההוא מלפני מלככם אשר בחרתם לכם יח
ולא־יענה יהוה אתכם ביום ההוא׃ וימאנו העם לשמע יט
בקול שמואל ויאמרו לא כי אם־מלך יהיה עלינו׃ והיינו כ
גם־אנחנו ככל־הגוים ושפטנו מלכנו ויצא לפנינו ונלחם
את־מלחמתנו׃ וישמע שמואל את כל־דברי העם כא
וידברם באזני יהוה׃ ויאמר יהוה אל־שמואל שמע כב
בקולם והמלכת להם מלך ויאמר שמואל אל־אנשי
ישראל לכו איש לעירו׃

ט

ויהי־איש מבן *ימין ושמו קיש בן־אביאל בן־צרור בן־ א
בכורת בן־אפיח בן־איש ימיני גבור חיל׃ ולו־היה בן ב
ושמו שאול בחור וטוב ואין איש מבני ישראל טוב ממנו
משכמו ומעלה גבה מכל־העם׃ ותאבדנה האתנות ג
לקיש אבי שאול ויאמר קיש אל־שאול בנו קח־נא אתך
את־אחד מהנערים וקום לך בקש את־האתנת׃ ויעבר ד
בהר־אפרים ויעבר בארץ־שלשה ולא מצאו ויעברו
בארץ־שעלים ואין ויעבר בארץ־ימיני ולא מצאו׃ המה ה
באו בארץ צוף ושאול אמר לנערו אשר־עמו לכה
ונשובה פן־יחדל אבי מן־האתנות ודאג לנו׃ ויאמר לו ו
הנה־נא איש־אלהים בעיר הזאת והאיש נכבד כל
אשר־ידבר בוא יבוא עתה נלכה שם אולי יגיד לנו את־

ח, יט׳ הל׳ דגושה   ט, א׳ מבנימן קרי

צו מאַכן זיינע כלי־מלחמה, און די שפּאַנצייג פון זיינע רייטוועגן. [13] און אײַערע טעכטער וועט ער צונעמען פאַר בשמים־מאַכערינס, און פאַר קעכינס, און פאַר בעקערינס. [14] און אײַערע בעסטע פעלדער און וויינגערטנער און איילבערטגערטנער וועט ער צונעמען און אַוועקשענקען צו זיינע קנעכט. [15] און פון אײַערע זאָמען און אײַערע ווייַנגערטנער וועט ער נעמען מעשר, און אַוועקשענקען צו זיינע הויפדינער און צו זיינע קנעכט. [16] און אײַערע קנעכט און אײַערע דינסטן און אײַערע בעסטע בחורים און אײַערע אייזלען וועט ער צונעמען, און פאַרטאָן פאַר זיין אַרבעט. [17] פון אײַערע שאָף וועט ער נעמען מעשר; און איר וועט זיין קנעכט ביי אים. [18] און איר וועט שרייען אין יענעם טאָג פון וועגן אײַער מלך וואָס איר האָט אײַך אויסדערוויילט, און גאָט וועט אײַך ניט ענטפערן אין יענעם טאָג.

[19] אָבער דאָס פאָלק האָט ניט געוואָלט צוהערן צו דעם קול פון שמואלן, און זיי האָבן געזאָגט: ניין, נאָר דווקא אַ מלך מוז זיין איבער אונדז, [20] אַז מיר זאָלן אויך זיין אַזוי ווי אַלע פעלקער, און אונדזער מלך זאָל אונדז משפטן, און אַרויסגיין אונדז פאַרויס, און פירן אונדזערע מלחמות.

[21] און שמואל האָט געהערט אַלע ווערטער פון פאָלק, און ער האָט זיי דערציילט אין די אויערן פון גאָט. [22] און גאָט האָט געזאָגט צו שמואלן: הער צו זייער קול, און זאָלסט זיי מאַכן אַ מלך. האָט שמואל געזאָגט צו די מענער פון ישראל: גייט איטלעכער צו זיין שטאָט.

ט

[1] און עס איז געווען אַ מאַן פון בנימין, וואָס זיין נאָמען איז געווען קיש דער זון פון אַביאל, דעם זון פון צרור, דעם זון פון בכורת, דעם זון פון אַפיח, דעם זון פון אַ מאַן אַ בנימינער, אַ העלדישער גיבור. [2] און ער האָט געהאַט אַ זון, וואָס זיין נאָמען איז געווען שאול, יונג און שיין, און קיינער פון די קינדער פון ישראל איז ניט געווען שענער פון אים; פון זיין אַקסל און אַרויף איז ער געווען העכער פון גאַנצן פאָלק.

[3] זיינען פאַרלאָרן געוואָרן די אייזעלינס ביי קיש דעם פאָטער פון שאולן, און קיש האָט געזאָגט צו זיין זון שאולן: נעם אַקאָרשט מיט דיר איינעם פון די יונגען, און שטיי אויף, גיי זוך די אייזעלינס.

[4] איז ער דורכגעגאַנגען דורכן געבערג פון אפרים, און איז דורכגעגאַנגען דורך לאַנד שָלִשָה, און זיי האָבן ניט געפונען; און זיי זיינען דורכגעגאַנגען דורך לאַנד שַעֲלים, און ניטאָ; און ער איז דורכגעגאַנגען דורך לאַנד בנימין, און זיי האָבן ניט געפונען. [5] ווי זיי זיינען געקומען אין לאַנד צוף, אַזוי האָט שאול געזאָגט צו זיין יונג וואָס מיט אים: קום און לאָמיר זיך אומקערן, וואָרום מיין פאָטער וועט נאָך אויפהערן זיך קימערן אום די אייזעלינס, און וועט דאגהן וועגן אונדז. [6] האָט ער צו אים געזאָגט: זע, איך בעט דיך, אַ געטלעכער מאַן איז דאָ אין דער דאָזיקער שטאָט, און דער מאַן איז אָנגעזען; אַלץ וואָס ער רעדט, קומט זיכער אָן. לאָמיר אַצונד גיין אַהין, אפשר וועט ער אונדז זאָגן וועגן

ז דַּרְכֵּנוּ אֲשֶׁר־הָלַכְנוּ עָלֶיהָ׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לְנַעֲרוֹ וְהִנֵּה
נֵלֵךְ וּמַה־נָּבִיא לָאִישׁ כִּי הַלֶּחֶם אָזַל מִכֵּלֵינוּ וּתְשׁוּרָה
ח אֵין־לְהָבִיא לְאִישׁ הָאֱלֹהִים מָה אִתָּנוּ׃ וַיֹּסֶף הַנַּעַר לַעֲנוֹת
אֶת־שָׁאוּל וַיֹּאמֶר הִנֵּה נִמְצָא בְיָדִי רֶבַע שֶׁקֶל כָּסֶף
ט וְנָתַתִּי לְאִישׁ הָאֱלֹהִים וְהִגִּיד לָנוּ אֶת־דַּרְכֵּנוּ׃ לְפָנִים ׀
בְּיִשְׂרָאֵל כֹּה־אָמַר הָאִישׁ בְּלֶכְתּוֹ לִדְרוֹשׁ אֱלֹהִים לְכוּ
וְנֵלְכָה עַד־הָרֹאֶה כִּי לַנָּבִיא הַיּוֹם יִקָּרֵא לְפָנִים הָרֹאֶה׃
י וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לְנַעֲרוֹ טוֹב דְּבָרְךָ לְכָה ׀ נֵלֵכָה וַיֵּלְכוּ אֶל־
יא הָעִיר אֲשֶׁר־שָׁם אִישׁ הָאֱלֹהִים׃ הֵמָּה עֹלִים בְּמַעֲלֵה
הָעִיר וְהֵמָּה מָצְאוּ נְעָרוֹת יֹצְאוֹת לִשְׁאֹב מָיִם וַיֹּאמְרוּ לָהֶן
יב הֲיֵשׁ בָּזֶה הָרֹאֶה׃ וַתַּעֲנֶינָה אוֹתָם וַתֹּאמַרְנָה יֵּשׁ הִנֵּה לְפָנֶיךָ
מַהֵר ׀ עַתָּה כִּי הַיּוֹם בָּא לָעִיר כִּי זֶבַח הַיּוֹם לָעָם בַּבָּמָה׃
יג כְּבֹאֲכֶם הָעִיר כֵּן תִּמְצְאוּן אֹתוֹ בְּטֶרֶם יַעֲלֶה הַבָּמָתָה
לֶאֱכֹל כִּי לֹא־יֹאכַל הָעָם עַד־בֹּאוֹ כִּי־הוּא יְבָרֵךְ הַזֶּבַח
אַחֲרֵי־כֵן יֹאכְלוּ הַקְּרֻאִים וְעַתָּה עֲלוּ כִּי־אֹתוֹ כְהַיּוֹם
יד תִּמְצְאוּן אֹתוֹ׃ וַיַּעֲלוּ הָעִיר הֵמָּה בָּאִים בְּתוֹךְ הָעִיר וְהִנֵּה
טו שְׁמוּאֵל יֹצֵא לִקְרָאתָם לַעֲלוֹת הַבָּמָה׃ וַיהוָה גָּלָה
טז אֶת־אֹזֶן שְׁמוּאֵל יוֹם אֶחָד לִפְנֵי בוֹא־שָׁאוּל לֵאמֹר׃ כָּעֵת ׀
מָחָר אֶשְׁלַח אֵלֶיךָ אִישׁ מֵאֶרֶץ בִּנְיָמִן וּמְשַׁחְתּוֹ לְנָגִיד
עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל וְהוֹשִׁיעַ אֶת־עַמִּי מִיַּד פְּלִשְׁתִּים כִּי רָאִיתִי
יז אֶת־עַמִּי כִּי בָּאָה צַעֲקָתוֹ אֵלָי׃ וּשְׁמוּאֵל רָאָה אֶת־שָׁאוּל
וַיהוָה עָנָהוּ הִנֵּה הָאִישׁ אֲשֶׁר אָמַרְתִּי אֵלֶיךָ זֶה יַעְצֹר
יח בְּעַמִּי׃ וַיִּגַּשׁ שָׁאוּל אֶת־שְׁמוּאֵל בְּתוֹךְ הַשָּׁעַר וַיֹּאמֶר
יט הַגִּידָה־נָּא לִי אֵי זֶה בֵּית הָרֹאֶה׃ וַיַּעַן שְׁמוּאֵל אֶת־
שָׁאוּל וַיֹּאמֶר אָנֹכִי הָרֹאֶה עֲלֵה לְפָנַי הַבָּמָה וַאֲכַלְתֶּם עִמִּי
הַיּוֹם וְשִׁלַּחְתִּיךָ בַבֹּקֶר וְכֹל אֲשֶׁר בִּלְבָבְךָ אַגִּיד לָךְ׃
כ וְלָאֲתֹנוֹת הָאֹבְדוֹת לְךָ הַיּוֹם שְׁלֹשֶׁת הַיָּמִים אַל־תָּשֶׂם
אֶת־לִבְּךָ לָהֶם כִּי נִמְצָאוּ וּלְמִי כָּל־חֶמְדַּת יִשְׂרָאֵל הֲלוֹא

אונדזער וועג וואָס מיר גייען אויף אים. 7 האָט שָאול געזאָגט צו זיין יונג: אָבער זע, אַז מיר וועלן גיין, וואָס וועלן מיר ברענגען דעם מאַן? וואָרום דאָס ברויט איז אויסגעגאַנגען פון אונדזערע כלים, און אַ מתנה צו ברענגען דעם געטלעכן מאַן איז ניטאָ; וואָס איז דאָ ביי אונדז? 8 האָט דער יונג ווידער געענטפערט שָאולן און האָט געזאָגט: אָט געפינט זיך אין מיין האַנט אַ פערטל שֶקל זילבער, וועל איך געבן דעם געטלעכן מאַן, און ער וועט אונדז זאָגן אונדזער וועג.

9 פריער אין ישראל, האָט אַ מאַן אַזוי געזאָגט, אַז ער איז געגאַנגען פרעגן ביי גאָט: קומט און לאָמיר גיין צום זעער; וואָרום דעם נביא פון היינט פלעגט מען פריער רופן זעער.

10 האָט שָאול געזאָגט צו זיין יונג: דיין וואָרט איז גוט; קום לאָמיר גיין. און זיי זיינען אַוועק צו דער שטאָט וואָס דאָרטן איז געווען דער געטלעכער מאַן. 11 ווי זיי גייען אַרויף דעם אַרויפגאַנג פון שטאָט, אַזוי האָבן זיי אָנגעטראָפן מיידלעך וואָס גייען אַרויס שעפן וואַסער, און זיי האָבן צו זיי געזאָגט: איז דאָ פאַראַן דער זעער? 12 האָבן זיי געענטפערט און געזאָגט: ער איז דאָ, אָן פאַר דיר. איַיל זיך אַצונד, וואָרום היינט איז ער געקומען אין שטאָט, ווייל היינט איז אַן אָפּפערשלאַכטונג ביים פאָלק אויף דער בָמָה. 13 ווי איר קומט אַריין אין שטאָט, אַזוי וועט איר אים טרעפן, איידער ער גייט אַרויף אויף דער בָמָה צו עסן; ווייל דאָס פאָלק עסט ניט ביז ער קומט, וואָרום ער בענטשט דאָס שלאַכטאָפּפער, דערנאָך עסן די גערופענע. און אַצונד גייט אַרויף, וואָרום גראָד היינט וועט איר אים טרעפן.

14 זיינען זיי אַרויפגעגאַנגען צו דער שטאָט. זיי קומען אַריין אין שטאָט, ערשט שמואל גייט אַרויס אַקעגן זיי, כדי אַרויפצוגיין אויף דער בָמָה. 15 און גאָט האָט אַנטפּלעקט שמואלס אויער איין טאָג פאַר שָאולס קומען, אַזוי צו זאָגן: 16 מאָרגן אין דער צייט וועל איך שיקן צו דיר אַ מאַן פון לאַנד בנימין, זאָלסטו אים זאַלבן פאַר אַ פירשט איבער מיין פאָלק ישראל, און ער וועט העלפן מיין פאָלק פון דער האַנט פון די פלִשתּים, וואָרום איך האָב צוגעזען מיין פאָלק, ווייל זיין געשריי איז געקומען צו מיר.

17 און ווי שמואל האָט דערזען שָאולן, אַזוי האָט גאָט אויסגערופן צו אים: אָט איז דער מאַן וואָס איך האָב דיר געזאָגט: דערדאָזיקער וועט הערשן אויף מיין פאָלק. 18 און שָאול האָט גענענט צו שמואלן אין מיטן טויער, און האָט געזאָגט: זאָג מיר, איך בעט דיך, וו איז דאָ דאָס הויז פון דעם זעער? 19 האָט שמואל געענטפערט שָאולן און האָט געזאָגט: איך בין דער זעער; גיי אַרויף מיר פאַרויס צו דער בָמָה, און איר וועט עסן מיט מיר היינט, און אין דער פרי וועל איך דיך אַוועקשיקן, און אַלץ וואָס אויף דיין האַרצן וועל איך דיר זאָגן. 20 און וועגן די אייזעלינס וואָס זיינען ביי דיר פאַרלאָרן שוין היינט דריי טעג, אויף זיי זאָלסטו ניט לייגן דיין האַרץ, וואָרום זיי זיינען געפונען געוואָרן. און פאַר וועמען איז אַלדאָס

כא לְךָ וּלְכֹל בֵּית אָבִיךָ׃ וַיַּעַן שָׁאוּל וַיֹּאמֶר הֲלוֹא בֶן
יְמִינִי אָנֹכִי מִקְטַנֵּי שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל וּמִשְׁפַּחְתִּי הַצְּעִרָה
מִכָּל־מִשְׁפְּחוֹת שִׁבְטֵי בִנְיָמִן וְלָמָּה דִּבַּרְתָּ אֵלַי כַּדָּבָר
כב הַזֶּה׃ וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־נַעֲרוֹ וַיְבִיאֵם לִשְׁכָּתָה
וַיִּתֵּן לָהֶם מָקוֹם בְּרֹאשׁ הַקְּרוּאִים וְהֵמָּה כִּשְׁלֹשִׁים אִישׁ׃
כג וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל לַטַּבָּח תְּנָה אֶת־הַמָּנָה אֲשֶׁר נָתַתִּי לָךְ
כד אֲשֶׁר אָמַרְתִּי אֵלֶיךָ שִׂים אֹתָהּ עִמָּךְ׃ וַיָּרֶם הַטַּבָּח אֶת־
הַשּׁוֹק וְהֶעָלֶיהָ וַיָּשֶׂם ׀ לִפְנֵי שָׁאוּל וַיֹּאמֶר הִנֵּה הַנִּשְׁאָר
שִׂים־לְפָנֶיךָ אֱכֹל כִּי לַמּוֹעֵד שָׁמוּר־לְךָ לֵאמֹר הָעָם
כה קָרָאתִי וַיֹּאכַל שָׁאוּל עִם־שְׁמוּאֵל בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיֵּרְדוּ
כו מֵהַבָּמָה הָעִיר וַיְדַבֵּר עִם־שָׁאוּל עַל־הַגָּג׃ וַיַּשְׁכִּמוּ וַיְהִי
כַּעֲלוֹת הַשַּׁחַר וַיִּקְרָא שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל הַגָּג לֵאמֹר
קוּמָה וַאֲשַׁלְּחֶךָּ וַיָּקָם שָׁאוּל וַיֵּצְאוּ שְׁנֵיהֶם הוּא וּשְׁמוּאֵל
כז הַחוּצָה׃ הֵמָּה יוֹרְדִים בִּקְצֵה הָעִיר וּשְׁמוּאֵל אָמַר אֶל־
שָׁאוּל אֱמֹר לַנַּעַר וְיַעֲבֹר לְפָנֵינוּ וַיַּעֲבֹר וְאַתָּה עֲמֹד כַּיּוֹם
וְאַשְׁמִיעֲךָ אֶת־דְּבַר אֱלֹהִים׃

י

א וַיִּקַּח שְׁמוּאֵל אֶת־פַּךְ הַשֶּׁמֶן וַיִּצֹק עַל־רֹאשׁוֹ וַיִּשָּׁקֵהוּ
ב וַיֹּאמֶר הֲלוֹא כִּי־מְשָׁחֲךָ יְהוָה עַל־נַחֲלָתוֹ לְנָגִיד׃ בְּלֶכְתְּךָ
הַיּוֹם מֵעִמָּדִי וּמָצָאתָ שְׁנֵי אֲנָשִׁים עִם־קְבֻרַת רָחֵל בִּגְבוּל
בִּנְיָמִן בְּצֶלְצַח וְאָמְרוּ אֵלֶיךָ נִמְצְאוּ הָאֲתֹנוֹת אֲשֶׁר הָלַכְתָּ
לְבַקֵּשׁ וְהִנֵּה נָטַשׁ אָבִיךָ אֶת־דִּבְרֵי הָאֲתֹנוֹת וְדָאַג לָכֶם
ג לֵאמֹר מָה אֶעֱשֶׂה לִבְנִי׃ וְחָלַפְתָּ מִשָּׁם וָהָלְאָה וּבָאתָ
עַד־אֵלוֹן תָּבוֹר וּמְצָאוּךָ שָׁם שְׁלֹשָׁה אֲנָשִׁים עֹלִים אֶל־
הָאֱלֹהִים בֵּית־אֵל אֶחָד נֹשֵׂא ׀ שְׁלֹשָׁה גְדָיִים וְאֶחָד נֹשֵׂא
ד שְׁלֹשֶׁת כִּכְּרוֹת לֶחֶם וְאֶחָד נֹשֵׂא נֵבֶל־יָיִן׃ וְשָׁאֲלוּ לְךָ
ה לְשָׁלוֹם וְנָתְנוּ לְךָ שְׁתֵּי־לֶחֶם וְלָקַחְתָּ מִיָּדָם׃ אַחַר כֵּן

ט, כ״ד מלעיל   כ״ו הגגה קרי   י, ב׳ פתח באתנח

גלוסטיקע פון ישראל, אויב ניט פאַר דיר און פאַר דעם גאַנצן הויז פון דיין פאָטער? [21] האָט געענטפערט שָאול און האָט געזאָגט: בין איך ניט פון בנימין, פון די קלענסטע שבטים פון ישראל, און מיין משפחה די מינדסטע פון אַלע משפחות פון שבט בנימין? און פאַרוואָס רעדסטו צו מיר אַזאַ זאַך?

[22] האָט שמואל גענומען שָאולן און זיין יונג, און ער האָט זיי אַריינגעבראַכט אין קאַמער, און האָט זיי געגעבן אַן אָרט אויבנאָן פון די גערופענע, וואָס זיינען געווען אַרום דרייסיק מאַן. [23] און שמואל האָט געזאָגט צו דעם קוכער: דערלאַנג דעם חלק וואָס איך האָב דיר געגעבן, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט: לייג אים אַוועק ביי דיר. [24] האָט דער קוכער אויפגעהויבן דעם שענקל און וואָס אויף אים, און אַוועקגעלייגט פאַר שָאולן, און [שמואל] האָט געזאָגט: אָט איז דאָס איבערגעלאָזענע; לייג פאַר דיר, עס, וואָרום אויף דער באַשטימטער צייט איז עס געהאַלטן געוואָרן פאַר דיר; אַזוי צו זאָגן: איך האָב דאָך [צוליב דעם] דאָס פאָלק פאַררופן.

האָט שָאול געגעסן מיט שמואלן אין יענעם טאָג. [25] און זיי האָבן אַראָפּגענידערט פון דער בָּמָה אין שטאָט; און ער האָט גערעדט מיט שָאולן אויפן דאַך.

[26] און זיי זיינען אויפגעשטאַנען פרי; און עס איז געווען, ווי דער פרימאָרגן איז אויפגעגאַנגען, אַזוי האָט שמואל גערופן צו שָאולן אויפן דאַך, אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף, און איך וועל דיך אַרויסבאַלייטן. איז שָאול אויפגעשטאַנען, און זיי זיינען ביידע אַרויסגעגאַנגען דערויסן, ער און שמואל. [27] ווי זיי נידערן אַראָפּ צום עק שטאָט, אַזוי האָט שמואל געזאָגט צו שָאולן: זאָג דעם יונג, ער זאָל אַוועקגיין אונדז פאַרויס—און ער איז אַוועקגעגאַנגען—און דו שטיי אַקאָרשט, און איך וועל דיך לאָזן הערן דאָס וואָרט פון גאָט.

י [1] און שמואל האָט גענומען דאָס קריגל אייל, און אַרויפגעגאָסן אויף זיין קאָפּ; און ער האָט אים געקושט, און האָט געזאָגט: פאַרוואָר, גאָט האָט דיך געזאַלבט פאַר אַ פירשט איבער זיין אַרב. [2] ווי דו גייסט היינט אַוועק פון מיר, אַזוי וועסטו אָנטרעפן צוויי מענטשן לעבן רחלס קבר אין דעם געמאַרק פון בנימין, אין צֶלצַח, און זיי וועלן זאָגן צו דיר: די אייזעלינס וואָס דו ביסט געגאַנגען זוכן, זיינען געפונען געוואָרן, און זע, דיין פאָטער האָט אָפּגעלאָזט די מעשה מיט די אייזעלינס, און ער דאגהט וועגן אייך, אַזוי צו זאָגן: וואָס טו איך וועגן מיין זון? [3] און וועסט אַוועקגיין פון דאָרטן ווייטער, און וועסט קומען ביז דעם אייכנבוים פון תָּבוֹר; וועלן דיך אָנטרעפן דאָרטן דריי מענטשן וואָס גייען אַרויף צו גאָט קיין בֵּית־אֵל; איינער טראָגט דריי ציקעלעך, און איינער טראָגט דריי לאַבנס ברויט, און איינער טראָגט אַ לאָגל וויין. [4] און זיי וועלן דיך פרעגן אויף פריד, און וועלן דיר געבן צוויי ברויטן; זאָלסטו צונעמען פון זייער האַנט. [5] דערנאָך

וועסטו קומען צו דעם בערגל פון גאָט, וואָס דאָרטן זיינען די וואַכן פון די פּלִשתּים: און עס וועט זיין, ווי דו קומסט אַהין אין דער שטאָט, אַזוי וועסטו באַגעגענען אַ שנור נביאים וואָס נידערן אַראָפּ פון דער בָּמָה, און זיי פאַרויס האַרפן און פויקן און פלייטן און גיטאַרן; און זיי זאָגן נביאות. 6 און אויף דיר וועט קומען דער גייסט פון גאָט, און וועסט נביאות זאָגן מיט זיי, און וועסט פאַרקערט ווערן אין אַן אַנדער מענטשן. 7 און עס וועט זיין, אַז די דאָזיקע צייכנס וועלן דיר אָנקומען, טו דיר וואָס דיר קומט צו דער האַנט, וואָרום גאָט איז מיט דיר. 8 און זאָלסט אַראָפּנידערן מיר פאַרויס קיין גִלגָל, און זע, איך וועל אַראָפּנידערן צו דיר אויפצוברענגען בראַנדאָפּפער, צו שלאַכטן פרידאָפּפער; זיבן טעג זאָלסטו וואַרטן ביז איך קום צו דיר, און וועל דיך לאָזן וויסן וואָס דו זאָלסט טאָן.

9 און עס איז געווען, ווי ער קערט אום זיין רוקן אַוועקצוגיין פון לעבן שמואלן, אַזוי האָט גאָט אים פאַרקערט אַן אַנדער האַרץ; און אַלע די דאָזיקע צייכנס זיינען אָנגעקומען אין יענעם טאָג. 10 און ווי זיי זיינען געקומען אַהין קיין גִבעָה, ערשט אַ שנור נביאים קומט אים אַנטקעגן; און דער גייסט פון גאָט איז געקומען אויף אים, און ער האָט נביאות געזאָגט צווישן זיי. 11 און עס איז געווען, ווי אַלע וואָס האָבן אים געקענט פון נעכטן־אייערנעכטן, האָבן געזען, ערשט ער זאָגט נביאות מיט נביאים, אַזוי האָט דאָס פאָלק געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואָס איז דאָס געשען דעם זון פון קישן? איז אויך שָאול צווישן די נביאים? 12 האָט זיך אָפּגערופן אַ מאַן פון דאָרטן און האָט געזאָגט: און ווער איז זייער פאָטער? דעריבער איז געוואָרן פאַר אַ שפּריכוואָרט: איז אויך שָאול צווישן די נביאים?

13 און ווי ער האָט געענדיקט נביאות זאָגן, אַזוי איז ער געקומען צו דער בָּמָה.

14 און שָאולס פעטער האָט געזאָגט צו אים און צו זיין יונג: וווהין זייט איר געגאַנגען? האָט ער געזאָגט: צו זוכן די אייזעלינס; און מיר האָבן געזען אַז זיי זיינען ניטאָ, זיינען מיר געקומען צו שמואלן. 15 האָט שָאולס פעטער געזאָגט: דערצייל מיר, איך בעט דיך, וואָס האָט אַייך שמואל געזאָגט? 16 האָט שָאול געזאָגט צו זיין פעטער: דערציילן האָט ער אונדז דערציילט אַז די אייזעלינס זיינען געפונען געוואָרן. אָבער די מעשה פון דער מלוכה וואָס שמואל האָט געזאָגט, האָט ער אים ניט דערציילט.

17 און שמואל האָט צונויפגערופן דאָס פאָלק צו גאָט קיין מִצפָּה. 18 און ער האָט געזאָגט צו די קינדער פון ישראל: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: איך האָב אויפגעבראַכט ישראל פון מִצרַיִם, און האָב אַייך מציל געווען פון דער האַנט פון מִצרַיִם, און פון דער האַנט פון אַלע קיניגרייכן וואָס האָבן אַייך געדריקט. 19 און איר האָט היינט פאַראַכט אַייער גאָט, וואָס ער העלפט אַייך פון אַלע אַייערע בייזן און אַייערע צרות, און איר האָט צו אים געזאָגט:

תָּבוֹא אֶל־גִּבְעַת הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר־שָׁם נְצִבֵי פְלִשְׁתִּים
וִיהִי כְבֹאֲךָ שָׁם הָעִיר וּפָגַעְתָּ חֶבֶל נְבִאִים יֹרְדִים מֵהַבָּמָה
וְלִפְנֵיהֶם נֵבֶל וְתֹף וְחָלִיל וְכִנּוֹר וְהֵמָּה מִתְנַבְּאִים׃
ו וְצָלְחָה עָלֶיךָ רוּחַ יְהוָה וְהִתְנַבִּיתָ עִמָּם וְנֶהְפַּכְתָּ לְאִישׁ
ז אַחֵר׃ וְהָיָה כִּי תְבֹאֶינָה הָאֹתוֹת הָאֵלֶּה לָךְ עֲשֵׂה לְךָ
ח אֲשֶׁר תִּמְצָא יָדֶךָ כִּי הָאֱלֹהִים עִמָּךְ׃ וְיָרַדְתָּ לְפָנַי הַגִּלְגָּל
וְהִנֵּה אָנֹכִי יֹרֵד אֵלֶיךָ לְהַעֲלוֹת עֹלוֹת לִזְבֹּחַ זִבְחֵי שְׁלָמִים
שִׁבְעַת יָמִים תּוֹחֵל עַד־בּוֹאִי אֵלֶיךָ וְהוֹדַעְתִּי לְךָ אֵת
ט אֲשֶׁר תַּעֲשֶׂה׃ וְהָיָה כְּהַפְנֹתוֹ שִׁכְמוֹ לָלֶכֶת מֵעִם שְׁמוּאֵל
וַיַּהֲפָךְ־לוֹ אֱלֹהִים לֵב אַחֵר וַיָּבֹאוּ כָּל־הָאֹתוֹת הָאֵלֶּה
י בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיָּבֹאוּ שָׁם הַגִּבְעָתָה וְהִנֵּה חֶבֶל־נְבִאִים
לִקְרָאתוֹ וַתִּצְלַח עָלָיו רוּחַ אֱלֹהִים וַיִּתְנַבֵּא בְּתוֹכָם׃
יא וַיְהִי כָּל־יוֹדְעוֹ מֵאִתְּמוֹל שִׁלְשֹׁם וַיִּרְאוּ וְהִנֵּה עִם־נְבִאִים
נִבָּא וַיֹּאמֶר הָעָם אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ מַה־זֶּה הָיָה לְבֶן־קִישׁ
יב הֲגַם שָׁאוּל בַּנְּבִיאִים׃ וַיַּעַן אִישׁ מִשָּׁם וַיֹּאמֶר וּמִי אֲבִיהֶם
יג עַל־כֵּן הָיְתָה לְמָשָׁל הֲגַם שָׁאוּל בַּנְּבִאִים׃ וַיְכַל
יד מֵהִתְנַבּוֹת וַיָּבֹא הַבָּמָה׃ וַיֹּאמֶר דּוֹד שָׁאוּל אֵלָיו וְאֶל־
נַעֲרוֹ אָן הֲלַכְתֶּם וַיֹּאמֶר לְבַקֵּשׁ אֶת־הָאֲתֹנוֹת וַנִּרְאֶה כִי־
טו אַיִן וַנָּבוֹא אֶל־שְׁמוּאֵל׃ וַיֹּאמֶר דּוֹד שָׁאוּל הַגִּידָה־נָּא
טז לִי מָה־אָמַר לָכֶם שְׁמוּאֵל׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דּוֹדוֹ הַגֵּד
הִגִּיד לָנוּ כִּי נִמְצְאוּ הָאֲתֹנוֹת וְאֶת־דְּבַר הַמְּלוּכָה לֹא־הִגִּיד
יז לוֹ אֲשֶׁר אָמַר שְׁמוּאֵל׃ וַיַּצְעֵק שְׁמוּאֵל אֶת־הָעָם
יח אֶל־יְהוָה הַמִּצְפָּה׃ וַיֹּאמֶר ׀ אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל כֹּה־אָמַר
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אָנֹכִי הֶעֱלֵיתִי אֶת־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרָיִם
וָאַצִּיל אֶתְכֶם מִיַּד מִצְרַיִם וּמִיַּד כָּל־הַמַּמְלָכוֹת הַלֹּחֲצִים
יט אֶתְכֶם׃ וְאַתֶּם הַיּוֹם מְאַסְתֶּם אֶת־אֱלֹהֵיכֶם אֲשֶׁר־הוּא
מוֹשִׁיעַ לָכֶם מִכָּל־רָעוֹתֵיכֶם וְצָרֹתֵיכֶם וַתֹּאמְרוּ לוֹ כִּי־

ה׳ בקצת ספרים לא נמצא מלה אל   ו׳ יתיר י   יא׳ כצ״ל

מֶלֶךְ תָּשִׂים עָלֵינוּ וְעַתָּה הִתְיַצְּבוּ לִפְנֵי יְהוָה לְשִׁבְטֵיכֶם
וּלְאַלְפֵיכֶם׃ וַיַּקְרֵב שְׁמוּאֵל אֵת כָּל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּלָּכֵד כ
שֵׁבֶט בִּנְיָמִן׃ וַיַּקְרֵב אֶת־שֵׁבֶט בִּנְיָמִן לְמִשְׁפְּחֹתָו וַתִּלָּכֵד כא
מִשְׁפַּחַת הַמַּטְרִי וַיִּלָּכֵד שָׁאוּל בֶּן־קִישׁ וַיְבַקְשֻׁהוּ וְלֹא
נִמְצָא׃ וַיִּשְׁאֲלוּ־עוֹד בַּיהוָה הֲבָא עוֹד הֲלֹם אִישׁ * כב
וַיֹּאמֶר יְהוָה הִנֵּה־הוּא נֶחְבָּא אֶל־הַכֵּלִים׃ וַיָּרֻצוּ וַיִּקָּחֻהוּ כג
מִשָּׁם וַיִּתְיַצֵּב בְּתוֹךְ הָעָם וַיִּגְבַּהּ מִכָּל־הָעָם מִשִּׁכְמוֹ
וָמָעְלָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־כָּל־הָעָם הַרְּאִיתֶם אֲשֶׁר כד
בָּחַר־בּוֹ יְהוָה כִּי אֵין כָּמֹהוּ בְּכָל־הָעָם וַיָּרִעוּ כָל־הָעָם
וַיֹּאמְרוּ יְחִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיְדַבֵּר שְׁמוּאֵל אֶל־הָעָם אֵת כה
מִשְׁפַּט הַמְּלֻכָה וַיִּכְתֹּב בַּסֵּפֶר וַיַּנַּח לִפְנֵי יְהוָה וַיְשַׁלַּח
שְׁמוּאֵל אֶת־כָּל־הָעָם אִישׁ לְבֵיתוֹ׃ וְגַם־שָׁאוּל הָלַךְ לְבֵיתוֹ כו
גִּבְעָתָה וַיֵּלְכוּ עִמּוֹ הַחַיִל אֲשֶׁר־נָגַע אֱלֹהִים בְּלִבָּם׃ וּבְנֵי כז
בְלִיַּעַל אָמְרוּ מַה־יֹּשִׁעֵנוּ זֶה וַיִּבְזֻהוּ וְלֹא־הֵבִיאוּ לוֹ מִנְחָה
וַיְהִי כְּמַחֲרִישׁ׃

## יא

וַיַּעַל נָחָשׁ הָעַמּוֹנִי וַיִּחַן עַל־יָבֵישׁ גִּלְעָד וַיֹּאמְרוּ כָּל־ א
אַנְשֵׁי יָבֵישׁ אֶל־נָחָשׁ כְּרָת־לָנוּ בְרִית וְנַעַבְדֶךָּ׃ וַיֹּאמֶר ב
אֲלֵיהֶם נָחָשׁ הָעַמּוֹנִי בְּזֹאת אֶכְרֹת לָכֶם בִּנְקוֹר לָכֶם כָּל־
עֵין יָמִין וְשַׂמְתִּיהָ חֶרְפָּה עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו ג
זִקְנֵי יָבֵישׁ הֶרֶף לָנוּ שִׁבְעַת יָמִים וְנִשְׁלְחָה מַלְאָכִים בְּכֹל
גְּבוּל יִשְׂרָאֵל וְאִם־אֵין מוֹשִׁיעַ אֹתָנוּ וְיָצָאנוּ אֵלֶיךָ׃
וַיָּבֹאוּ הַמַּלְאָכִים גִּבְעַת שָׁאוּל וַיְדַבְּרוּ הַדְּבָרִים בְּאָזְנֵי ד
הָעָם וַיִּשְׂאוּ כָל־הָעָם אֶת־קוֹלָם וַיִּבְכּוּ׃ וְהִנֵּה שָׁאוּל בָּא ה
אַחֲרֵי הַבָּקָר מִן־הַשָּׂדֶה וַיֹּאמֶר שָׁאוּל מַה־לָּעָם כִּי יִבְכּוּ
וַיְסַפְּרוּ־לוֹ אֶת־דִּבְרֵי אַנְשֵׁי יָבֵישׁ׃ וַתִּצְלַח רוּחַ־אֱלֹהִים ו
עַל־שָׁאוּל בְּשָׁמְעוֹ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיִּחַר אַפּוֹ מְאֹד׃

י, כא׳ למשפחותיו ק    כב׳ פסקא באמצע פסוק    כד׳ר׳ דגושה    יא, ו׳ כשמעו ק

נאָר אַ מלך מוזטו מאַכן איבער אונדז. דרום שטעלט אײַך אַצונד פאַר גאָט לויט אײַערע שבטים און לויט אײַערע טויזנטן.

[20] און שמואל האָט געמאַכט גענענען אַלע שבטים פון ישראל, און שבט בנימין איז פאַרנומען געוואָרן. [21] האָט ער געמאַכט גענענען שבט בנימין לויט זײַנע משפחות, און די משפחה פון די מַטרים איז פאַרנומען געוואָרן; און שָאול דער זון פון קישן איז פאַרנומען גע־וואָרן. האָבן זיי אים אַרומגעזוכט, און ער איז ניט געפונען געוואָרן. [22] האָבן זיי ווידער געפרעגט בײַ גאָט: איז נאָך עמיצער געקומען אַהער? האָט גאָט געזאָגט: אָן באַהאַלט ער זיך בײַ די זאַכן. [23] זײַנען זיי געלאָפן, און האָבן אים גענומען פון דאָרטן; און אַז ער האָט זיך געשטעלט צווישן פאָלק, איז ער געווען העכער פון גאַנצן פאָלק פון זײַן אַקסל און אַרויף.

[24] האָט שמואל געזאָגט צום גאַנצן פאָלק: איר זעט דעם וואָס גאָט האָט אים אויסדערוויילט, אַז זײַן גלײַכן איז ניטאָ אין גאַנצן פאָלק? האָט געשאַלט דאָס גאַנצע פאָלק, און האָט געזאָגט: לעבן זאָל דער מלך.

[25] און שמואל האָט געזאָגט דעם פאָלק דאָס געזעץ פון דער מלוכה, און פאַרשריבן אין אַ בוך, און אַוועקגע־לייגט פאַר גאָט. און שמואל האָט אַוועקגעשיקט דאָס גאַנצע פאָלק, איטלעכן צו זײַן הויז.

[26] און אויך שָאול איז אַוועקגעגאַנגען צו זײַן הויז קיין גִבעָה, און מיט אים זײַנען געגאַנגען די חיל וואָס האָבן געהאַט גאָט אין האַרצן. [27] אָבער די נידערטרעכטיקע יונגען האָבן געזאָגט: וואָס וועט אונדז העלפן דערדאָזיקער? און זיי האָבן אים פאַראַכט, און האָבן אים ניט געבראַכט אַ מתנה. און ער האָט זיך געמאַכט ניט הערנדיק.

**יא** [1] און נָחָש פון עַמון איז אַרויפגעקומען און האָט געלעגערט אויף יָבֵיש־גִלעָד. האָבן אַלע מענטשן פון יָבֵיש גע־זאָגט צו נָחָשן: שליס אונדז אַ בונד, און מיר וועלן דיר דינען. [2] האָט נָחָש פון עַמון צו זיי געזאָגט: מיט דעם באַדינג וועל איך עס אײַך שליסן, אַז מע זאָל אײַך אַלעמען אויסשטעכן דאָס רעכטע אויג, און דאָס מאַכן פאַר אַ שאַנד אויף גאַנץ ישראל. [3] האָבן צו אים געזאָגט די עלטסטע פון יָבֵיש: לאָז אונדז אָפּ זיבן טעג, און מיר וועלן שיקן שלוחים אין גאַנצן געמאַרק פון ישראל; און אויב קיינער העלפט אונדז ניט, וועלן מיר אַרויסגיין צו דיר.

[4] זײַנען די שלוחים געקומען קיין גִבעַת־שָאול, און האָבן גערעדט די ווערטער אין די אויערן פון פאָלק; און דאָס גאַנצע פאָלק האָט אויפגעהויבן זייער קול און געוויינט. [5] ערשט שָאול קומט אָן הינטער די רינדער פון פעלד; האָט שָאול געזאָגט: וואָס איז דעם פאָלק, וואָס זיי וויינען? האָט מען אים דערציילט די ווערטער פון די מענטשן פון יָבֵיש. [6] איז אַ גײַסט פון גאָט געקומען אויף שָאולן, ווי ער האָט דערהערט די דאָזיקע ווערטער, און זײַן צאָרן האָט זייער געגרימט.

7 און ער האָט גענומען אַ געשפּאַן רינדער, און האָט זיי צעשניטן, און פֿאַנאַנדערגעשיקט דורך דער האַנט פֿון די שלוחים אין גאַנצן געמאַרק פֿון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: ווער עס גייט ניט אַרויס נאָך שָׁאולן און נאָך שמואלן, וועט אַזוי געטאָן ווערן צו זײַנע רינדער. איז אַ פּחד פֿון גאָט געפֿאַלן אויפֿן פֿאָלק, און זיי זײַנען אַרויס אַזוי ווי איין מאַן. 8 און ער האָט זיי איבערגעציילט אין בֶּזֶק, און די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען געווען דרײַ הונדערט טויזנט, און די מענער פֿון יהודה דרײַסיק טויזנט. 9 און זיי האָבן געזאָגט צו די שלוחים וואָס זײַנען געקומען: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו די מענטשן פֿון יָבֵיש־גִלעָד: מאָרגן ווען די זון וועט הייס, וועט אײַך געשען אַ הילף.

זײַנען געקומען די שלוחים און האָבן דערציילט צו די מענטשן פֿון יָבֵיש, און זיי האָבן זיך דערפֿרייט. 10 און די מענטשן פֿון יָבֵיש האָבן געזאָגט [צו נָחָשן]: מאָרגן וועלן מיר אַרויסגיין צו אײַך, און איר וועט טאָן צו אונדז אַזוי ווי אַלץ וואָס איז גוט אין אײַערע אויגן.

11 און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט שָׁאול געמאַכט דאָס פֿאָלק אין דרײַ מחנות, און זיי זײַנען אַרײַן אין מיטן לאַגער אין דער מאָרגנוואַך, און האָבן געשלאָגן עַמון ביז דער טאָג איז הייס געוואָרן. און עס איז געווען, די וואָס זײַנען איבערגעבליבן, זײַנען צעשפּרייט געוואָרן, און עס זײַנען ניט געבליבן פֿון זיי צוויי באַנאַנד.

12 האָט דאָס פֿאָלק געזאָגט צו שמואלן: ווער איז דער וואָס זאָגט: זאָל שָׁאול קיניגן איבער אונדז? גיט אַהער די לײַט, און מיר וועלן זיי טייטן. 13 האָט שָׁאול געזאָגט: קיינער זאָל ניט געטייט ווערן הײַנטיקן טאָג, וואָרום הײַנט האָט גאָט געטאָן אַ ישועה אין ישׂראל.

14 און שמואל האָט געזאָגט צום פֿאָלק: קומט און לאָמיר גיין קיין גִלגָל, און מיר וועלן דאָרטן באַנײַען די מלוכה. 15 איז דאָס גאַנצע פֿאָלק געגאַנגען קיין גִלגָל, און זיי האָבן דאָרטן געמאַכט שָׁאולן פֿאַר אַ מלך, פֿאַר גאָט אין גִלגָל; און זיי האָבן דאָרטן געשלאַכט פֿרידאָפּפֿער פֿאַר גאָט. און שָׁאול און אַלע מענער פֿון ישׂראל האָבן זיך דאָרטן זייער געפֿרייט.

ז וַיִּקַּח צֶמֶד בָּקָר וַיְנַתְּחֵהוּ וַיְשַׁלַּח בְּכָל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל
בְּיַד הַמַּלְאָכִים ׀ לֵאמֹר אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ יֹצֵא אַחֲרֵי שָׁאוּל
וְאַחַר שְׁמוּאֵל כֹּה יֵעָשֶׂה לִבְקָרוֹ וַיִּפֹּל פַּחַד־יְהוָה עַל־
ח הָעָם וַיֵּצְאוּ כְּאִישׁ אֶחָד׃ וַיִּפְקְדֵם בְּבָזֶק וַיִּהְיוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
ט שְׁלֹשׁ מֵאוֹת אֶלֶף וְאִישׁ יְהוּדָה שְׁלֹשִׁים אָלֶף׃ וַיֹּאמְרוּ
לַמַּלְאָכִים הַבָּאִים כֹּה תֹאמְרוּן לְאִישׁ יָבֵישׁ גִּלְעָד מָחָר
תִּהְיֶה־לָכֶם תְּשׁוּעָה בְּחֹם הַשָּׁמֶשׁ וַיָּבֹאוּ הַמַּלְאָכִים וַיַּגִּידוּ
י לְאַנְשֵׁי יָבֵישׁ וַיִּשְׂמָחוּ׃ וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי יָבֵישׁ מָחָר נֵצֵא
יא אֲלֵיכֶם וַעֲשִׂיתֶם לָּנוּ כְּכָל־הַטּוֹב בְּעֵינֵיכֶם׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת
וַיָּשֶׂם שָׁאוּל אֶת־הָעָם שְׁלֹשָׁה רָאשִׁים וַיָּבֹאוּ בְתוֹךְ־
הַמַּחֲנֶה בְּאַשְׁמֹרֶת הַבֹּקֶר וַיַּכּוּ אֶת־עַמּוֹן עַד־חֹם הַיּוֹם וַיְהִי
יב הַנִּשְׁאָרִים וַיָּפֻצוּ וְלֹא נִשְׁאֲרוּ־בָם שְׁנַיִם יָחַד׃ וַיֹּאמֶר הָעָם
אֶל־שְׁמוּאֵל מִי הָאֹמֵר שָׁאוּל יִמְלֹךְ עָלֵינוּ תְּנוּ הָאֲנָשִׁים
יג וּנְמִיתֵם׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לֹא־יוּמַת אִישׁ בַּיּוֹם הַזֶּה כִּי הַיּוֹם
יד עָשָׂה־יְהוָה תְּשׁוּעָה בְּיִשְׂרָאֵל׃ * וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־
טו הָעָם לְכוּ וְנֵלְכָה הַגִּלְגָּל וּנְחַדֵּשׁ שָׁם הַמְּלוּכָה׃ וַיֵּלְכוּ כָל־
הָעָם הַגִּלְגָּל וַיַּמְלִכוּ שָׁם אֶת־שָׁאוּל לִפְנֵי יְהוָה בַּגִּלְגָּל
וַיִּזְבְּחוּ־שָׁם זְבָחִים שְׁלָמִים לִפְנֵי יְהוָה וַיִּשְׂמַח שָׁם שָׁאוּל
וְכָל־אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל עַד־מְאֹד׃

## יב

א וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל הִנֵּה שָׁמַעְתִּי בְקֹלְכֶם לְכֹל
ב אֲשֶׁר־אֲמַרְתֶּם לִי וָאַמְלִיךְ עֲלֵיכֶם מֶלֶךְ׃ וְעַתָּה הִנֵּה
הַמֶּלֶךְ ׀ מִתְהַלֵּךְ לִפְנֵיכֶם וַאֲנִי זָקַנְתִּי וָשַׂבְתִּי וּבָנַי הִנָּם
אִתְּכֶם וַאֲנִי הִתְהַלַּכְתִּי לִפְנֵיכֶם מִנְּעֻרַי עַד־הַיּוֹם הַזֶּה׃
ג הִנְנִי עֲנוּ בִי נֶגֶד יְהוָה וְנֶגֶד מְשִׁיחוֹ אֶת־שׁוֹר ׀ מִי לָקַחְתִּי
וַחֲמוֹר מִי לָקַחְתִּי וְאֶת־מִי עָשַׁקְתִּי אֶת־מִי רַצּוֹתִי וּמִיַּד־
ד מִי לָקַחְתִּי כֹפֶר וְאַעְלִים עֵינַי בּוֹ וְאָשִׁיב לָכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ

יא, ז׳ כ״א ואחרי   ט׳ כחם ק   יד׳ הפטרת קרח

## יב

1 און שמואל האָט געזאָגט צו גאַנץ ישׂראל: זעט, איך האָב צוגעהערט צו אײַער קָול אין אַלץ וואָס איר האָט צו מיר געזאָגט, און איך האָב געמאַכט איבער אײַך אַ מלך. 2 און אַצונד, אָט גייט דער מלך פֿאַר אײַך; איך אָבער בין אַלט און גראָ, און אָט זײַנען מײַנע זין מיט אײַך; און איך בין געגאַנגען פֿאַר אײַך פֿון מײַן יוגנט אָן ביז הײַנטיקן טאָג. 3 דאָ בין איך, זאָגט עדות אַקעגן מיר פֿאַר גאָט און פֿאַר זײַן געזאַלבטן: וועמעס אָקס האָב איך צוגענומען? און וועמעס אייזל האָב איך צוגענומען? און וועמען האָב איך באַרויבט? וועמען האָב איך געדריקט? אָדער פֿון וועמענס האַנט האָב איך גענומען אויסלייז, אַז איך זאָל פֿאַרהוילן מײַנע אויגן פֿון אים? און איך וועל עס אײַך אומקערן.

לֹא עֲשַׁקְתָּנוּ וְלֹא רַצּוֹתָנוּ וְלֹא־לָקַחְתָּ מִיַּד־אִישׁ מְאוּמָה׃
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם עֵד יְהוָה בָּכֶם וְעֵד מְשִׁיחוֹ הַיּוֹם הַזֶּה ה
כִּי לֹא מְצָאתֶם בְּיָדִי מְאוּמָה וַיֹּאמֶר עֵד׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל ו
אֶל־הָעָם יְהוָה אֲשֶׁר עָשָׂה אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־אַהֲרֹן וַאֲשֶׁר
הֶעֱלָה אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְעַתָּה הִתְיַצְּבוּ ז
וְאִשָּׁפְטָה אִתְּכֶם לִפְנֵי יְהוָה אֵת כָּל־צִדְקוֹת יְהוָה אֲשֶׁר־
עָשָׂה אִתְּכֶם וְאֶת־אֲבֹתֵיכֶם׃ כַּאֲשֶׁר־בָּא יַעֲקֹב מִצְרָיִם ח
וַיִּזְעֲקוּ אֲבֹתֵיכֶם אֶל־יְהוָה וַיִּשְׁלַח יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה וְאֶת־
אַהֲרֹן וַיּוֹצִיאוּ אֶת־אֲבוֹתֵיכֶם מִמִּצְרַיִם וַיֹּשִׁבוּם בַּמָּקוֹם
הַזֶּה׃ וַיִּשְׁכְּחוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וַיִּמְכֹּר אֹתָם בְּיַד ט
סִיסְרָא שַׂר־צְבָא חָצוֹר וּבְיַד־פְּלִשְׁתִּים וּבְיַד מֶלֶךְ מוֹאָב
וַיִּלָּחֲמוּ בָּם׃ וַיִּזְעֲקוּ אֶל־יְהוָה וַיֹּאמֶר* חָטָאנוּ כִּי עָזַבְנוּ י
אֶת־יְהוָה וַנַּעֲבֹד אֶת־הַבְּעָלִים וְאֶת־הָעַשְׁתָּרוֹת וְעַתָּה
הַצִּילֵנוּ מִיַּד אֹיְבֵינוּ וְנַעַבְדֶךָּ׃ וַיִּשְׁלַח יְהוָה אֶת־יְרֻבַּעַל יא
וְאֶת־בְּדָן וְאֶת־יִפְתָּח וְאֶת־שְׁמוּאֵל וַיַּצֵּל אֶתְכֶם מִיַּד
אֹיְבֵיכֶם מִסָּבִיב וַתֵּשְׁבוּ בֶּטַח׃ וַתִּרְאוּ כִּי נָחָשׁ מֶלֶךְ בְּנֵי־ יב
עַמּוֹן בָּא עֲלֵיכֶם וַתֹּאמְרוּ לִי לֹא כִּי־מֶלֶךְ יִמְלֹךְ עָלֵינוּ
וַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם מַלְכְּכֶם׃ וְעַתָּה הִנֵּה הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר יג
בְּחַרְתֶּם אֲשֶׁר שְׁאֶלְתֶּם וְהִנֵּה נָתַן יְהוָה עֲלֵיכֶם מֶלֶךְ׃
אִם־תִּירְאוּ אֶת־יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֹתוֹ וּשְׁמַעְתֶּם בְּקֹלוֹ וְלֹא יד
תַמְרוּ אֶת־פִּי יְהוָה וִהְיִתֶם גַּם־אַתֶּם וְגַם־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר
מָלַךְ עֲלֵיכֶם אַחַר יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם׃ וְאִם־לֹא תִשְׁמְעוּ בְּקוֹל טו
יְהוָה וּמְרִיתֶם אֶת־פִּי יְהוָה וְהָיְתָה יַד־יְהוָה בָּכֶם
וּבַאֲבוֹתֵיכֶם׃ גַּם־עַתָּה הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת־הַדָּבָר הַגָּדוֹל טז
הַזֶּה אֲשֶׁר יְהוָה עֹשֶׂה לְעֵינֵיכֶם׃ הֲלוֹא קְצִיר־חִטִּים יז
הַיּוֹם אֶקְרָא אֶל־יְהוָה וְיִתֵּן קֹלוֹת וּמָטָר וּדְעוּ וּרְאוּ כִּי־
רָעַתְכֶם רַבָּה אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם בְּעֵינֵי יְהוָה לִשְׁאוֹל לָכֶם

ה׳ סבירין ויאמרו   י׳ ויאמרו ק׳

[4] האָבן זיי געזאָגט: האָסט אונדז ניט באַרויבט און האָסט אונדז ניט געדריקט, און האָסט פון קיינעמס האַנט גאָרנישט גענומען. [5] האָט ער צו זיי געזאָגט: עדות איז גאָט קעגן אײַך, און עדות איז זיין געזאַלבטער היינטיקן טאָג, אַז איר האָט אין מיין האַנט גאָרנישט געפונען. האָבן זיי געזאָגט: עדות!

[6] האָט שמואל געזאָגט צום פאָלק: גאָט איז דער וואָס האָט באַשאַפן משהן און אַהרנען, און וואָס האָט אויפגעבראַכט אײַערע עלטערן פון לאַנד מִצרַיִם. [7] און אַצונד, שטעלט אײַך, און איך וועל זיך דורכטענהן מיט אײַך פאַר גאָט וועגן אַלע גערעכטיקייטן פון גאָט וואָס ער האָט געטאָן מיט אײַך און מיט אײַערע עלטערן. [8] אַז יעקב איז געקומען קיין מִצרַיִם, האָבן אײַערע עלטערן געשריען צו גאָט, און גאָט האָט געשיקט משהן און אַהרנען, און זיי האָבן אַרויסגעצויגן אײַערע עלטערן פון מִצרַיִם, און זיי באַזעצט אין דעמדאָזיקן אָרט. [9] אָבער זיי האָבן פאַרגעסן אָן יהוה זייער גאָט, און ער האָט זיי איבערגעענטפערט אין דער האַנט פון סיסרָא דעם חיל־פירער פון חָצור, און אין דער האַנט פון די פּלִשתּים, און אין דער האַנט פון דעם מלך פון מוֹאָב, און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן אויף זיי. [10] און זיי האָבן געשריען צו גאָט און האָבן געזאָגט: מיר האָבן געזינדיקט וואָס מיר האָבן פאַרלאָזן יהוה, און געדינט די בַּעַל־געטער און די עַשתָּרות, און אַצונד, זיי אונדז מציל פון דער האַנט פון אונדזערע פיינט, און מיר וועלן דיר דינען. [11] האָט גאָט געשיקט ירובַּעַלן, און בּדָנען, און יִפתָּחן, און שמואלן, און ער האָט אײַך מציל געווען פון אײַערע פיינט פון רונד אַרום, און איר זייט געזעסן אין זיכערקייט. [12] און ווי איר האָט געזען אַז נָחָש דער מלך פון די קינדער פון עַמון איז געקומען אויף אײַך, אַזוי האָט איר צו מיר געזאָגט: ניין, נייערט אַ מלך מוז קיניגן איבער אונדז; בעת יהוה אײַער גאָט איז אײַער מלך. [13] און אַצונד, אָט איז דער מלך וואָס איר האָט אויסדערווײלט, וואָס איר האָט פאַרלאַנגט, און אָט האָט גאָט געגעבן איבער אײַך אַ מלך. [14] אויב איר וועט מורא האָבן פאַר גאָט, און איר וועט אים דינען, און וועט צוהערן צו זיין קָול, און וועט ניט ווידערשפּעניקן דעם מויל פון גאָט, און אי איר, אי דער מלך וואָס קיניגט איבער אײַך, וועט גיין נאָך יהוה אײַער גאָט;— [15] אויב אָבער איר וועט ניט צוהערן צו דעם קָול פון גאָט, און איר וועט ווידערשפּעניקן דעם מויל פון גאָט, וועט די האַנט פון גאָט זיין אַקעגן אײַך אַזוי ווי אַקעגן אײַערע עלטערן. [16] און אַצונד שטייט און זעט דידאָזיקע גרויסע זאַך וואָס גאָט טוט פאַר אײַערע אויגן. [17] היינט איז דאָך ווייצשניט, וועל איך רופן צו גאָט, און ער וועט געבן דונערן און רעגן, און ווייסט און זעט אַז גרויס איז אײַער בייז וואָס איר האָט געטאָן אין די אויגן פון גאָט, אײַך צו פאַרלאַנגען אַ מלך.

18 און שמואל האָט גערופן צו גאָט, און גאָט האָט גע־
געבן דונערן און רעגן אין יענעם טאָג, און דאָס גאַנצע
פאָלק האָט זייער מורא געהאַט פאַר גאָט און פאַר שמואלן.
19 און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזאָגט צו שמואלן: זיי
מתפלל פאַר דיינע קנעכט צו יהוה דיין גאָט אַז מיר זאָלן
ניט שטאַרבן, ווייל מיר האָבן צו אַלע אונדזערע זינד נאָך
צוגעלייגט דאָס בייז, אונדז צו פאַרלאַנגען אַ מלך. 20 האָט
שמואל געזאָגט צום פאָלק: איר זאָלט ניט מורא האָבן;
איר האָט געטאָן אַלדאָסדאָזיקע בייז, אָבער איר זאָלט
אַייך ניט אָפּקערן פון הינטער גאָט, און איר זאָלט דינען
גאָט מיט אַייער גאַנצן האַרצן. 21 יאָ, איר זאָלט אַייך ניט
אָפּקערן, וואָרום [דאָס וועט איר גיין] נאָך נישטיקייטן
וואָס נוצן ניט און זיינען ניט מציל, ווייל נישטיקייט זיינען
זיי. 22 וואָרום גאָט וועט ניט פאַרלאָזן זיין פאָלק, פון זיין
גרויסן נאָמען וועגן, ווייל גאָט האָט באַוויליקט אַייך צו
מאַכן פאַר זיין פאָלק. 23 אויך איך, חלילה מיר צו
זינדיקן צו גאָט, אויפצוהערן מתפלל זיין פאַר אַייך!
נייערט איך וועל אַייך לערנען דעם גוטן און גלייכן וועג.
24 האָט אָבער מורא פאַר גאָט, און איר זאָלט אים דינען
מיט אמת, מיט אַייער גאַנצן האַרצן, וואָרום זעט ווי ער
האָט גרויס געטאָן מיט אַייך. 25 אויב אָבער שלעכטס
טאָן וועט איר שלעכטס טאָן, וועט אי איר, אי אַייער מלך אומגעבראַכט ווערן.

יח מֶלֶךְ׃ וַיִּקְרָא שְׁמוּאֵל אֶל־יְהוָה וַיִּתֵּן יְהוָה קֹלֹת וּמָטָר
בַּיּוֹם הַהוּא וַיִּירָא כָל־הָעָם מְאֹד אֶת־יְהוָה וְאֶת־שְׁמוּאֵל׃
יט וַיֹּאמְרוּ כָל־הָעָם אֶל־שְׁמוּאֵל הִתְפַּלֵּל בְּעַד־עֲבָדֶיךָ אֶל־
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְאַל־נָמוּת כִּי־יָסַפְנוּ עַל־כָּל־חַטֹּאתֵינוּ רָעָה
כ לִשְׁאֹל לָנוּ מֶלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־הָעָם אַל־תִּירָאוּ
אַתֶּם עֲשִׂיתֶם אֵת כָּל־הָרָעָה הַזֹּאת אַךְ אַל־תָּסוּרוּ מֵאַחֲרֵי
כא יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֶת־יְהוָה בְּכָל־לְבַבְכֶם׃ וְלֹא תָּסוּרוּ כִּי ׀
אַחֲרֵי הַתֹּהוּ אֲשֶׁר לֹא־יוֹעִילוּ וְלֹא יַצִּילוּ כִּי־תֹהוּ הֵמָּה׃
כב כִּי לֹא־יִטֹּשׁ יְהוָה אֶת־עַמּוֹ בַּעֲבוּר שְׁמוֹ הַגָּדוֹל כִּי הוֹאִיל
כג יְהוָה לַעֲשׂוֹת אֶתְכֶם לוֹ לְעָם׃ גַּם אָנֹכִי חָלִילָה לִּי מֵחֲטֹא
לַיהוָה מֵחֲדֹל לְהִתְפַּלֵּל בַּעַדְכֶם וְהוֹרֵיתִי אֶתְכֶם בְּדֶרֶךְ
כד הַטּוֹבָה וְהַיְשָׁרָה׃ אַךְ ׀ יְראוּ אֶת־יְהוָה וַעֲבַדְתֶּם אֹתוֹ בֶּאֱמֶת
כה בְּכָל־לְבַבְכֶם כִּי רְאוּ אֵת אֲשֶׁר־הִגְדִּל עִמָּכֶם׃ וְאִם־הָרֵעַ
תָּרֵעוּ גַּם־אַתֶּם גַּם־מַלְכְּכֶם תִּסָּפוּ׃

יג

א בֶּן־שָׁנָה שָׁאוּל בְּמָלְכוֹ וּשְׁתֵּי שָׁנִים מָלַךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃
ב וַיִּבְחַר־לוֹ שָׁאוּל שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים מִיִּשְׂרָאֵל וַיִּהְיוּ עִם־
שָׁאוּל אַלְפַּיִם בְּמִכְמָשׂ וּבְהַר בֵּית־אֵל וְאֶלֶף הָיוּ עִם־
יוֹנָתָן בְּגִבְעַת בִּנְיָמִין וְיֶתֶר הָעָם שִׁלַּח אִישׁ לְאֹהָלָיו׃
ג וַיַּךְ יוֹנָתָן אֵת נְצִיב פְּלִשְׁתִּים אֲשֶׁר בְּגֶבַע וַיִּשְׁמְעוּ פְּלִשְׁתִּים
וְשָׁאוּל תָּקַע בַּשּׁוֹפָר בְּכָל־הָאָרֶץ לֵאמֹר יִשְׁמְעוּ הָעִבְרִים׃
ד וְכָל־יִשְׂרָאֵל שָׁמְעוּ לֵאמֹר הִכָּה שָׁאוּל אֶת־נְצִיב פְּלִשְׁתִּים
וְגַם־נִבְאַשׁ יִשְׂרָאֵל בַּפְּלִשְׁתִּים וַיִּצָּעֲקוּ הָעָם אַחֲרֵי שָׁאוּל
ה הַגִּלְגָּל׃ וּפְלִשְׁתִּים נֶאֶסְפוּ ׀ לְהִלָּחֵם עִם־יִשְׂרָאֵל שְׁלֹשִׁים
אֶלֶף רֶכֶב וְשֵׁשֶׁת אֲלָפִים פָּרָשִׁים וְעָם כַּחוֹל אֲשֶׁר עַל־
שְׂפַת־הַיָּם לָרֹב וַיַּעֲלוּ וַיַּחֲנוּ בְמִכְמָשׂ קִדְמַת בֵּית אָוֶן׃
ו וְאִישׁ יִשְׂרָאֵל רָאוּ כִּי צַר־לוֹ כִּי נִגַּשׂ הָעָם וַיִּתְחַבְּאוּ

יב, כב׳ ע״כ   כד׳ א׳ מה   יג, ב׳ כלפ בסין

יג 1 . . . יאָר איז שָׁאול אַלט געווען אַז ער איז געוואָרן מלך, און צוויי יאָר האָט ער געקיניגט איבער ישראל.
2 און שָׁאול האָט זיך אויסגעקליבן דריי טויזנט מאַן פון ישראל, און צוויי טויזנט זיינען געווען מיט שָׁאולן אין מִכמָש
און אויף דעם באַרג פון בֵּית־אֵל, און טויזנט זיינען געווען מיט יוֹנָתָנען אין גִבעַת־בִנימין. און דאָס איבעריקע פאָלק האָט
ער אַוועקגעשיקט איטלעכן צו זיינע געצעלטן.
3 און יוֹנָתָן האָט געשלאָגן די וואַך פון די פּלִשתּים וואָס אין גֶבַע, און די פּלִשתּים האָבן דערהערט. און שָׁאול האָט
געבלאָזן אין שופר דורכן גאַנצן לאַנד, אַזוי צו זאָגן: זאָלן די עִברים הערן! 4 און גאַנץ ישראל האָבן געהערט, אַזוי צו
זאָגן: שָׁאול האָט געשלאָגן די וואַך פון די פּלִשתּים, און ישראל האָט זיך אויך פאַרמיאוסט ביי די פּלִשתּים; און דאָס
פאָלק האָט זיך אַיינגעזאַמלט הינטער שָׁאולן קיין גִלגָל. 5 און די פּלִשתּים האָבן זיך אַיינגעזאַמלט מלחמה צו האַלטן
מיט ישראל—דרייסיק טויזנט רייטוועגן, און זעקס טויזנט רייטער, און פאָלק אַזוי ווי דער זאַמד וואָס אויפן ברעג פון ים
אין פילקייט; און זיי זיינען אַרויפגעקומען און האָבן געלאַגערט אין מִכמָש, צו מזרח פון בֵּית־אָוֶן.
6 און די מענער פון ישראל האָבן געזען אַז זיי זיינען אין אַ קלעם—וואָרום דאָס פאָלק איז געווען צוגעדריקט—און דאָס

העם במערות ובחוחים ובסלעים ובצרחים ובברות:
ועברים עברו את־הירדן ארץ גד וגלעד ושאול עודנו ז
בגלגל וכל־העם חרדו אחריו: וייחל | שבעת ימים ח
למועד אשר שמואל ולא־בא שמואל הגלגל ויפץ העם
מעליו: ויאמר שאול הגשו אלי העלה והשלמים ויעל ט
העלה: ויהי ככלתו להעלות העלה והנה שמואל בא י
ויצא שאול לקראתו לברכו: ויאמר שמואל מה עשית יא
ויאמר שאול כי־ראיתי כי־נפץ העם מעלי ואתה לא־
באת למועד הימים ופלשתים נאספים מכמש: ואמר יב
עתה ירדו פלשתים אלי הגלגל ופני יהוה לא חליתי
ואתאפק ואעלה העלה: ויאמר שמואל אל־שאול יג
נסכלת לא שמרת את־מצות יהוה אלהיך אשר צוך
כי עתה הכין יהוה את־ממלכתך אל־ישראל עד־עולם:
ועתה ממלכתך לא־תקום בקש יהוה לו איש כלבבו יד
ויצוהו יהוה לנגיד על־עמו כי לא שמרת את אשר־
צוך יהוה: ויקם שמואל ויעל מן־הגלגל גבעת טו
בנימן ויפקד שאול את־העם הנמצאים עמו כשש מאות
איש: ושאול ויונתן בנו והעם הנמצא עמם ישבים טז
בגבע בנימן ופלשתים חנו במכמש: ויצא המשחית יז
ממחנה פלשתים שלשה ראשים הראש אחד יפנה אל־
דרך עפרה אל־ארץ שועל: והראש אחד יפנה דרך יח
בית חרון והראש אחד יפנה דרך הגבול הנשקף על־
גי הצבעים המדברה: וחרש לא ימצא בכל יט
ארץ ישראל כי־אמר פלשתים פן יעשו העברים חרב
או חנית: וירדו כל־ישראל הפלשתים ללטוש איש את־ כ
מחרשתו ואת־אתו ואת־קרדמו ואת מחרשתו: והיתה כא
הפצירה פים למחרשות ולאתים ולשלש קלשון

ת׳ ויוחל ק׳ יא׳ כ׳ דגושה אחרי י׳ יט׳ אמרו ק׳

פאָלק האָט זיך באַהאַלטן אין היילן, און צווישן דערנער, און אין פעלזן, און אין טורעמס, און אין גריבער. [7] און טייל עברים זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם ירדן קיין לאַנד גד און גלעד; אָבער שאול איז נאָך געווען אין גלגל, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געציטערט נאָך אים.

[8] האָט ער געוואַרט זיבן טעג, ביז דער צייט וואָס שמואל [האָט אָפּגעמאַכט], אָבער שמואל איז ניט געקומען קיין גלגל. און דאָס פאָלק איז צעלאָפן פון אים. [9] האָט שאול געזאָגט: גענענט צו מיר דאָס בראַנדאָפּפער און דאָס פרידאָפּפער; און ער האָט אויפגעבראַכט דאָס בראַנדאָפּפער. [10] און עס איז געווען, ווי ער ענדיקט אויפברענגען דאָס בראַנדאָפּפער, ערשט שמואל קומט אָן; און שאול איז אים אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן אים צו באַגריסן. [11] האָט שמואל געזאָגט: וואָס האָסטו געטאָן? האָט שאול געזאָגט: אַז איך האָב געזען אַז דאָס פאָלק איז צעלאָפן פון מיר, און דו ביסט ניט געקומען אין די אָפּגערעדטע טעג, און די פלשתים זיינען אַיינגעזאַמלט אין מכמש, [12] אַזוי האָב איך געזאָגט: אַצונד וועלן די פלשתים אַראָפּנידערן צו מיר קיין גלגל, און צו גאָט האָב איך ניט געבעטן; און איך האָב מיך אַיינגעשטעלט, און האָב אויפגעבראַכט דאָס בראַנדאָפּפער. [13] האָט שמואל געזאָגט צו שאולן: נאַריש האָסטו געטאָן; האָסט ניט געהיט דעם באַפעל פון יהוה דיין גאָט וואָס ער האָט דיר באַפוילן; וואָרום גאָט וואָלט אַצונד באַפעסטיקט דיין מלוכה איבער ישראל אויף אייביק. [14] אַצונד אָבער וועט דיין מלוכה ניט באַשטיין. גאָט האָט זיך אויסגעזוכט אַ מאַן נאָך זיין האַרצן, און גאָט האָט אים באַפוילן פאַר אַ פירשט איבער זיין פאָלק, ווייל דו האָסט ניט געהיט וואָס גאָט האָט דיר באַפוילן.

[15] און שמואל איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק פון גלגל קיין גבעת־בנימין. און שאול האָט איבערגעציילט דאָס פאָלק וואָס האָט זיך געפונען ביי אים, אַרום זעקס הונדערט מאַן. [16] און שאול און זיין זון יונתן, און דאָס פאָלק וואָס האָט זיך געפונען ביי זיי, זיינען געזעסן אין גבעת־בנימין, און די פלשתים האָבן געלאַגערט אין מכמש. [17] און די פאַר־וויסטער זיינען אַרויסגעגאַנגען פון לאַגער פון די פלשתים אין דריי מחנות; איין מחנה האָט זיך פאַרקערט אויפן וועג פון עפרה, צום לאַנד שועל, [18] און איין מחנה האָט זיך פאַרקערט אויפן וועג פון בית־חורון, און איין מחנה האָט זיך פאַר־קערט אויפן וועג פון געמאַרק, וואָס קוקט אַרויס אויפן טאָל צבועים, צום מדבר צו.

[19] און אַ שמיד האָט זיך ניט געפונען אין גאַנצן לאַנד ישראל, וואָרום די פלשתים האָבן געזאָגט: טאָמער וועלן די עברים מאַכן אַ שווערד אָדער אַ שפּיז. [20] און גאַנץ ישראל האָבן געני דערט צו די פלשתים צו שאַרפן איטלעכער זיין אַקעראייזן, און זיין גראָבאייזן, און זיין האַק, און זיין רידל. [21] און פאַרן אָנפיילן איז געווען אַ פים[א] פאַר די רידלען, און

[א] אַ מטבע צוויי דריטל פון אַ שקל.

פאַר די גראָבאַייזנס, און פאַרן דרייַשפּיץ, און פאַר די העק; דעסגלייכן פאַר אָנשטעלן דעם טרייבשטעכער. 22 אַזוי איז געשען, אַז אין טאָג פון מלחמה האָט זיך ניט געפונען אַ שווערד אָדער אַ שפּיז אין דער האַנט פון דעם גאַנצן פאָלק וואָס מיט שָאולן און מיט יוֹנָתָנען; נאָר ביי שָאולן און ביי יוֹנָתָן זיין זון האָט זיך געפונען.

23 און די וואַך פון די פּלִשתּים איז אַרויסגעגאַנגען צום איבערפאָר פון מִכמָש.

# יד

1 און עס איז געווען איין טאָג, האָט יוֹנָתָן דער זון פון שָאולן געזאָגט צו דעם יונג, זיין וואַפנטרעגער: קום און לאָמיר אַריבערגיין צו דער וואַך פון די פּלִשתּים וואָס אויף יענער זייט; און זיין פאָטער האָט ער ניט געזאָגט. 2 און שָאול איז געזעסן אין עק גִבעָה אונטער דעם מילגרוימבוים וואָס אין מִגרוֹן; און דאָס פאָלק וואָס מיט אים איז געווען אַרום זעקס הונדערט מאַן. 3 און אַחִיָה דער זון פון אַחיטוב דעם ברודער פון אִי־כָבוֹד, דעם זון פון פּינחס, דעם זון פון עֵלִי דעם כֹּהן פון גאָט אין שילוֹ, האָט געטראָגן דעם אֵפוֹד. און דאָס פאָלק האָט ניט געוווּסט אַז יוֹנָתָן איז אַוועקגעגאַנגען.

4 און צווישן די איבערפאָרן וואָס יוֹנָתָן האָט געוואָלט אַריבערגיין צו דער וואַך פון די פּלִשתּים, איז געווען אַ שפּיץ פעלז פון דער זייט און אַ שפּיץ פעלז פון דער אַנדער זייט, און דער נאָמען פון איינעם איז געווען בּוֹצֵץ, און דער נאָמען פון אַנדערן סֶנֶה. 5 איין שפּיץ אויפגעשטעלט פון צפון אַקעגן מִכמָש, און איינער פון דָרום אַקעגן גֶבַע.

6 און יהוֹנָתָן האָט געזאָגט צו דעם יונג, זיין וואַפנטרעגער: קום און לאָמיר אַריבערגיין צו דער וואַך פון די דאָזיקע אומבאַשניטענע. אפשר וועט גאָט טאָן פאַר אונדז; וואָרום ביי גאָט איז קיין אָפּהאַלט ניטאָ צו העלפן מיט פיל [מענטשן] אָדער מיט ווייניק. 7 האָט זיין וואַפנטרעגער צו אים געזאָגט: טו אַלץ וואָס אין דיין האַרצן; פאַרקער זיך; זע, איך בין מיט דיר ווי נאָך דיין האַרצן. 8 האָט יהוֹנָתָן געזאָגט: אָט גייען מיר אַריבער צו די מענטשן, און מיר וועלן זיך באַווייזן צו זיי; 9 אויב זיי וועלן זאָגן צו אונדז אַזוי: האַרט אויס ביז מיר קומען־צו צו אַייך, וועלן מיר שטיין אויף אונדזער אָרט, און וועלן ניט אַרויפגיין צו זיי; 10 אויב אָבער זיי וועלן זאָגן אַזוי: קומט אַרויף צו אונדז, וועלן מיר אַרויפגיין, וואָרום גאָט האָט זיי געגעבן אין אונדזער האַנט. און דאָס וועט אונדז זיין דער צייכן.

11 האָבן זיי זיך ביידע באַוויזן צו דער וואַך פון די פּלִשתּים, און די פּלִשתּים האָבן געזאָגט: אָן קומען די עִברים אַרויס פון די לעכער וואָס זיי האָבן זיך דאָרטן באַהאַלטן. 12 און די מענטשן פון דער וואַך האָבן זיך אָפּגערופן צו יוֹנָתָנען און זיין וואַפנטרעגער, און האָבן געזאָגט: קומט אַרויף צו אונדז, און מיר וועלן אַייך עפּעס צו וויסן טאָן. האָט יוֹנָתָן געזאָגט צו זיין וואַפנטרעגער: קום אַרויף נאָך מיר, וואָרום גאָט האָט זיי געגעבן אין דער האַנט פון ישׂראל.

כב וּלְהַקַּרְדֻּמִּים וּלְהַצִּיב הַדָּרְבָן׃ וְהָיָה בְּיוֹם מִלְחֶמֶת וְלֹא
נִמְצָא חֶרֶב וַחֲנִית בְּיַד כָּל־הָעָם אֲשֶׁר אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־
כג יוֹנָתָן וַתִּמָּצֵא לְשָׁאוּל וּלְיוֹנָתָן בְּנוֹ׃ וַיֵּצֵא מַצַּב פְּלִשְׁתִּים
אֶל־מַעֲבַר מִכְמָשׂ׃

יד

א וַיְהִי הַיּוֹם וַיֹּאמֶר יוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל אֶל־הַנַּעַר נֹשֵׂא כֵלָיו
לְכָה וְנַעְבְּרָה אֶל־מַצַּב פְּלִשְׁתִּים אֲשֶׁר מֵעֵבֶר הַלָּז וּלְאָבִיו
ב לֹא הִגִּיד׃ וְשָׁאוּל יוֹשֵׁב בִּקְצֵה הַגִּבְעָה תַּחַת הָרִמּוֹן
ג אֲשֶׁר בְּמִגְרוֹן וְהָעָם אֲשֶׁר עִמּוֹ כְּשֵׁשׁ מֵאוֹת אִישׁ׃ וַאֲחִיָּה
בֶן־אֲחִטוּב אֲחִי אִי־כָבוֹד ׀ בֶּן־פִּינְחָס בֶּן־עֵלִי כֹּהֵן יְהוָה
ד בְּשִׁלוֹ נֹשֵׂא אֵפוֹד וְהָעָם לֹא יָדַע כִּי הָלַךְ יוֹנָתָן׃ וּבֵין
הַמַּעְבְּרוֹת אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ יוֹנָתָן לַעֲבֹר עַל־מַצַּב פְּלִשְׁתִּים
שֵׁן־הַסֶּלַע מֵהָעֵבֶר מִזֶּה וְשֵׁן־הַסֶּלַע מֵהָעֵבֶר מִזֶּה וְשֵׁם
ה הָאֶחָד בּוֹצֵץ וְשֵׁם הָאֶחָד סֶנֶּה׃ הַשֵּׁן הָאֶחָד מָצוּק
ו מִצָּפוֹן מוּל מִכְמָשׂ וְהָאֶחָד מִנֶּגֶב מוּל גָּבַע׃ וַיֹּאמֶר
יְהוֹנָתָן אֶל־הַנַּעַר ׀ נֹשֵׂא כֵלָיו לְכָה וְנַעְבְּרָה אֶל־מַצַּב
הָעֲרֵלִים הָאֵלֶּה אוּלַי יַעֲשֶׂה יְהוָה לָנוּ כִּי אֵין לַיהוָה
ז מַעְצוֹר לְהוֹשִׁיעַ בְּרַב אוֹ בִמְעָט׃ וַיֹּאמֶר לוֹ נֹשֵׂא כֵלָיו
עֲשֵׂה כָּל־אֲשֶׁר בִּלְבָבֶךָ נְטֵה לָךְ הִנְנִי עִמְּךָ כִּלְבָבֶךָ׃
ח וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן הִנֵּה אֲנַחְנוּ עֹבְרִים אֶל־הָאֲנָשִׁים וְנִגְלִינוּ
ט אֲלֵיהֶם׃ אִם־כֹּה יֹאמְרוּ אֵלֵינוּ דֹּמּוּ עַד־הַגִּיעֵנוּ אֲלֵיכֶם
י וְעָמַדְנוּ תַחְתֵּינוּ וְלֹא נַעֲלֶה אֲלֵיהֶם׃ וְאִם־כֹּה יֹאמְרוּ
עֲלוּ עָלֵינוּ וְעָלִינוּ כִּי־נְתָנָם יְהוָה בְּיָדֵנוּ וְזֶה־לָּנוּ הָאוֹת׃
יא וַיִּגָּלוּ שְׁנֵיהֶם אֶל־מַצַּב פְּלִשְׁתִּים וַיֹּאמְרוּ פְלִשְׁתִּים הִנֵּה
יב עִבְרִים יֹצְאִים מִן־הַחֹרִים אֲשֶׁר הִתְחַבְּאוּ־שָׁם׃ וַיַּעֲנוּ
אַנְשֵׁי הַמַּצָּבָה אֶת־יוֹנָתָן ׀ וְאֶת־נֹשֵׂא כֵלָיו וַיֹּאמְרוּ עֲלוּ
אֵלֵינוּ וְנוֹדִיעָה אֶתְכֶם דָּבָר וַיֹּאמֶר יוֹנָתָן אֶל־נֹשֵׂא כֵלָיו
יג עֲלֵה אַחֲרַי כִּי־נְתָנָם יְהוָה בְּיַד יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעַל יוֹנָתָן עַל־

יָדָיו וְעַל־רַגְלָיו וְנֹשֵׂא כֵלָיו אַחֲרָיו וַיִּפְּלוּ לִפְנֵי יוֹנָתָן
יד וְנֹשֵׂא כֵלָיו מְמוֹתֵת אַחֲרָיו׃ וַתְּהִי הַמַּכָּה הָרִאשֹׁנָה
אֲשֶׁר הִכָּה יוֹנָתָן וְנֹשֵׂא כֵלָיו כְּעֶשְׂרִים אִישׁ כְּבַחֲצִי
טו מַעֲנָה צֶמֶד שָׂדֶה׃ וַתְּהִי חֲרָדָה בַמַּחֲנֶה בַשָּׂדֶה וּבְכָל־
הָעָם הַמַּצָּב וְהַמַּשְׁחִית חָרְדוּ גַּם־הֵמָּה וַתִּרְגַּז הָאָרֶץ
טז וַתְּהִי לְחֶרְדַּת אֱלֹהִים׃ וַיִּרְאוּ הַצֹּפִים לְשָׁאוּל בְּגִבְעַת
יז בִּנְיָמִן וְהִנֵּה הֶהָמוֹן נָמוֹג וַיֵּלֶךְ וַהֲלֹם׃ וַיֹּאמֶר
שָׁאוּל לָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ פִּקְדוּ־נָא וּרְאוּ מִי הָלַךְ מֵעִמָּנוּ
יח וַיִּפְקְדוּ וְהִנֵּה אֵין יוֹנָתָן וְנֹשֵׂא כֵלָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל
לַאֲחִיָּה הַגִּישָׁה אֲרוֹן הָאֱלֹהִים כִּי־הָיָה אֲרוֹן הָאֱלֹהִים
יט בַּיּוֹם הַהוּא וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי עַד דִּבֶּר שָׁאוּל אֶל־הַכֹּהֵן
וְהֶהָמוֹן אֲשֶׁר בְּמַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וָרָב •
כ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־הַכֹּהֵן אֱסֹף יָדֶךָ׃ וַיִּזָּעֵק שָׁאוּל וְכָל־
הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיָּבֹאוּ עַד־הַמִּלְחָמָה וְהִנֵּה הָיְתָה חֶרֶב
כא אִישׁ בְּרֵעֵהוּ מְהוּמָה גְּדוֹלָה מְאֹד׃ וְהָעִבְרִים הָיוּ
לַפְּלִשְׁתִּים כְּאֶתְמוֹל שִׁלְשׁוֹם אֲשֶׁר עָלוּ עִמָּם בַּמַּחֲנֶה
סָבִיב וְגַם־הֵמָּה לִהְיוֹת עִם־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר עִם־שָׁאוּל
כב וְיוֹנָתָן׃ וְכֹל אִישׁ יִשְׂרָאֵל הַמִּתְחַבְּאִים בְּהַר־אֶפְרַיִם
שָׁמְעוּ כִּי־נָסוּ פְּלִשְׁתִּים וַיַּדְבְּקוּ גַם־הֵמָּה אַחֲרֵיהֶם
כג בַּמִּלְחָמָה׃ וַיּוֹשַׁע יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־יִשְׂרָאֵל
כד וְהַמִּלְחָמָה עָבְרָה אֶת־בֵּית אָוֶן׃ וְאִישׁ־יִשְׂרָאֵל נִגַּשׂ בַּיּוֹם
הַהוּא וַיֹּאֶל שָׁאוּל אֶת־הָעָם לֵאמֹר אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר־
יֹאכַל לֶחֶם עַד־הָעֶרֶב וְנִקַּמְתִּי מֵאֹיְבַי וְלֹא־טָעַם כָּל־
כה הָעָם לָחֶם׃ וְכָל־הָאָרֶץ בָּאוּ בַיָּעַר וַיְהִי דְבַשׁ עַל־פְּנֵי
כו הַשָּׂדֶה׃ וַיָּבֹא הָעָם אֶל־הַיַּעַר וְהִנֵּה הֵלֶךְ דְּבָשׁ וְאֵין־
כז מַשִּׂיג יָדוֹ אֶל־פִּיו כִּי־יָרֵא הָעָם אֶת־הַשְּׁבֻעָה׃ וְיוֹנָתָן לֹא־
שָׁמַע בְּהַשְׁבִּיעַ אָבִיו אֶת־הָעָם וַיִּשְׁלַח אֶת־קְצֵה הַמַּטֶּה

פ׳ פסקא באמצע פסוק

13 און יוֹנָתָן האָט אַרויפגעקלעטערט אויף זיינע הענט און אויף זיינע פיס, און זיין וואָפנטרעגער נאָך אים. און זיי זיינען געפאַלן פאַר יוֹנָתָנען, און זיין וואָפנטרעגער האָט געטייט הינטער אים. 14 און דער ערשטער שלאַק וואָס יוֹנָתָן און זיין וואָפנטרעגער האָבן געשלאָגן, איז געווען אַרום צוואַנציק מאַן, אין אַרום אַ האַלבער בייט פון אַן אַקער פעלד. 15 איז געוואָרן אַ ציטערניש אין לאַגער אויפן פעלד, און צווישן גאַנצן פאָלק; די וואַך און די פאַרוויסטער, אַפילו זיי האָבן געציטערט; און די ערד האָט זיך געטרייסלט, און עס איז געוואָרן אַ גאָטס ציטערניש.

16 און די וועכטער פון שָאולן אין גבעת־בנימין האָבן אַ קוק געטאָן, ערשט די מחנה צעקריכט און גייט אַהין און אַהער. 17 האָט שָאול געזאָגט צו דעם פאָלק וואָס מיט אים: ציילט אַקאָרשט נאָך, און זעט ווער איז אַוועקגע־גאַנגען פון אונדז. האָבן זיי נאָכגעציילט, ערשט יוֹנָתָן און זיין וואָפנטרעגער זיינען ניטאָ. 18 האָט שָאול געזאָגט צו אַחִיָהן: גענען דעם אָרון פון גאָט; וואָרום דער אָרון פון גאָט איז געווען אין יענעם טאָג מיט די קינדער פון ישראל.

19 און עס איז געווען, בעת שָאול האָט גערעדט מיט דעם כֹהן, איז דער טומל וואָס אין לאַגער פון די פלשתים געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. האָט שָאול געזאָגט צום כֹהן: צי צוריק דיין האַנט. 20 און שָאול און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים האָבן זיך איינגעזאַמלט, און זיי זיינען געקומען צו דער מלחמה, ערשט איינעמס שווערד איז קעגן אַנדערן—זייער אַ גרויסע מהומה.

21 און די עִבְרים וואָס זיינען געווען מיט די פלשתים אַזוי ווי נעכטן־אייערנעכטן, די וואָס זיינען אַרויפגעקומען מיט זיי אין לאַגער רונד אַרום, זיי אויך זיינען צוגעשטאַנען צו די ישראל וואָס מיט שָאולן און יוֹנָתָנען. 22 און אַלע מענער פון ישראל וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין דעם געבערג פון אפרים, האָבן געהערט אַז די פלשתים זיינען אַנטלאָפן, און זיי אויך האָבן זיי נאָכגעיאָגט אין דער מלחמה. 23 און גאָט האָט געהאָלפן ישראל אין יענעם טאָג.

און די מלחמה איז אַוועק ביז אַריבער בית־אָוֶן. 24 און די מענער פון ישראל זיינען געווען פאַרקלעמט אין יענעם טאָג, אָבער שָאול האָט באַשוואָרן דאָס פאָלק, אַזוי צו זאָגן: פאַרשאָלטן דער מענטש וואָס וועט עסן שפייז ביזן אָוונט, ווען איך וועל זיך האָבן נוקם געווען אָן מיינע פיינט! און דאָס גאַנצע פאָלק האָט ניט פאַרזוכט קיין שפייז.

25 און דאָס גאַנצע פאָלק איז געקומען אין וואַלד; און האָניק איז געווען אויפן פעלד. 26 און ווי דאָס פאָלק איז גע־קומען אין וואַלד, ערשט אַ רינונג פון האָניק, אָבער קיינער האָט ניט צוגערירט זיין האַנט צו זיין מויל, וואָרום דאָס פאָלק האָט מורא געהאַט פאַר דער שבועה. 27 אָבער יוֹנָתָן האָט ניט געהערט ווי זיין פאָטער האָט באַשוואָרן דאָס פאָלק, און ער

אֲשֶׁר בְּיָדוֹ וַיִּטְבֹּל אוֹתָהּ בְּיַעְרַת הַדְּבָשׁ וַיָּשֶׁב יָדוֹ אֶל־
כח פִּיו וַתָּרֹאנָה עֵינָיו׃ וַיַּעַן אִישׁ מֵהָעָם וַיֹּאמֶר הַשְׁבֵּעַ הִשְׁבִּיעַ
אָבִיךָ אֶת־הָעָם לֵאמֹר אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר־יֹאכַל לֶחֶם
כט הַיּוֹם וַיָּעַף הָעָם׃ וַיֹּאמֶר יוֹנָתָן עָכַר אָבִי אֶת־הָאָרֶץ רְאוּ־
ל נָא כִּי־אֹרוּ עֵינַי כִּי טָעַמְתִּי מְעַט דְּבַשׁ הַזֶּה׃ אַף כִּי לוּא
אָכֹל אָכַל הַיּוֹם הָעָם מִשְּׁלַל אֹיְבָיו אֲשֶׁר מָצָא כִּי עַתָּה
לא לֹא־רָבְתָה מַכָּה בַּפְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּכּוּ בַּיּוֹם הַהוּא בַּפְּלִשְׁתִּים
לב מִמִּכְמָשׂ אַיָּלֹנָה וַיָּעַף הָעָם מְאֹד׃ וַיַּעַשׂ הָעָם אֶל־שָׁלָל
וַיִּקְחוּ צֹאן וּבָקָר וּבְנֵי בָקָר וַיִּשְׁחֲטוּ אָרְצָה וַיֹּאכַל הָעָם
לג עַל־הַדָּם׃ וַיַּגִּידוּ לְשָׁאוּל לֵאמֹר הִנֵּה הָעָם חֹטְאִים
לַיהוָה לֶאֱכֹל עַל־הַדָּם וַיֹּאמֶר בְּגַדְתֶּם גֹּלּוּ אֵלַי הַיּוֹם אֶבֶן
לד גְּדוֹלָה׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל פֻּצוּ בָעָם וַאֲמַרְתֶּם לָהֶם הַגִּישׁוּ
אֵלַי אִישׁ שׁוֹרוֹ וְאִישׁ שְׂיֵהוּ וּשְׁחַטְתֶּם בָּזֶה וַאֲכַלְתֶּם וְלֹא־
תֶחֶטְאוּ לַיהוָה לֶאֱכֹל אֶל־הַדָּם וַיַּגִּשׁוּ כָל־הָעָם אִישׁ
לה שׁוֹרוֹ בְיָדוֹ הַלַּיְלָה וַיִּשְׁחֲטוּ־שָׁם׃ וַיִּבֶן שָׁאוּל מִזְבֵּחַ
לו לַיהוָה אֹתוֹ הֵחֵל לִבְנוֹת מִזְבֵּחַ לַיהוָה׃ וַיֹּאמֶר
שָׁאוּל נֵרְדָה אַחֲרֵי פְלִשְׁתִּים לַיְלָה וְנָבֹזָּה בָהֶם ׀ עַד־אוֹר
הַבֹּקֶר וְלֹא־נַשְׁאֵר בָּהֶם אִישׁ וַיֹּאמְרוּ כָּל־הַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ
עֲשֵׂה • וַיֹּאמֶר הַכֹּהֵן נִקְרְבָה הֲלֹם אֶל־הָאֱלֹהִים׃
לז וַיִּשְׁאַל שָׁאוּל בֵּאלֹהִים הַאֵרֵד אַחֲרֵי פְלִשְׁתִּים הֲתִתְּנֵם
לח בְּיַד יִשְׂרָאֵל וְלֹא עָנָהוּ בַּיּוֹם הַהוּא׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל גֹּשׁוּ
הֲלֹם כֹּל פִּנּוֹת הָעָם וּדְעוּ וּרְאוּ בַּמָּה הָיְתָה הַחַטָּאת
לט הַזֹּאת הַיּוֹם׃ כִּי חַי־יְהוָה הַמּוֹשִׁיעַ אֶת־יִשְׂרָאֵל כִּי אִם־
יֶשְׁנוֹ בְּיוֹנָתָן בְּנִי כִּי־מוֹת יָמוּת וְאֵין עֹנֵהוּ מִכָּל־הָעָם׃
מ וַיֹּאמֶר אֶל־כָּל־יִשְׂרָאֵל אַתֶּם תִּהְיוּ לְעֵבֶר אֶחָד וַאֲנִי וְיוֹנָתָן
בְּנִי נִהְיֶה לְעֵבֶר אֶחָד וַיֹּאמְרוּ הָעָם אֶל־שָׁאוּל הַטּוֹב
מא בְּעֵינֶיךָ עֲשֵׂה׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל

כז׳ ותארנה ק׳ לב׳ ויעט ק׳ השלל ק׳ לג׳ א׳ נחה כי א׳ל
לו׳ הה׳ רפה פסקא באמצע פסוק

האָט אויסגעשטרעקט דעם שפּיץ פון דעם שטעקן וואָס אין זיין האַנט, און האָט אים אײַנגעטונקט אין דעם האָניקסאָט, און צוגעקערט זיין האַנט צו זיין מויל, און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. 28 האָט זיך אָפּגערופן אַ מאַן פון פאָלק, און האָט געזאָגט: באַשוואָרן האָט דיין פאָטער באַשוואָרן דאָס פאָלק, אַזוי צו זאָגן: פאַרשאָלטן דער מענטש וואָס וועט היינט עסן שפּייז! דרום איז דאָס פאָלק פאַרחלשט. 29 האָט יונתן געזאָגט: פאַראומגליקט האָט מיין פאָטער דאָס לאַנד; זעט, איך בעט אייך, ווי מיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן, ווייל איך האָב פאַרזוכט אַ ביסל פון דעם־דאָזיקן האָניק. 30 היינט ווי שוין אַז עסן וואָלט געגעסן היינט דאָס פאָלק פון דעם רויב פון זיינע פיינט וואָס ער האָט געפונען? צי וואָלט ניט אַצונד דער שלאַק צווישן די פלשתים געווען נאָך גרעסער?

31 און זיי האָבן געשלאָגן אין יענעם טאָג צווישן די פלשתים פון מכמש ביז אַילון, און דאָס פאָלק איז געוואָרן זייער פאַרחלשט. 32 און דאָס פאָלק האָט זיך אַ לאָז גע־טאָן צום רויב, און זיי האָבן גענומען שאָף און רינדער און יונגע רינדער, און האָבן געשאָכטן אויף דער ערד, און דאָס פאָלק האָט געגעסן מיטן בלוט.

33 האָט מען אָנגעזאָגט שאָולן: אַזוי צו זאָגן: זע, דאָס פאָלק זינדיקט צו גאָט, צו עסן מיטן בלוט. האָט ער געזאָגט: איר האָט געפעלשט; קייקלט־צו אַקאָרשט צו מיר אַ גרויסן שטיין. 34 און שאָול האָט געזאָגט: צע־שפרייט זיך צווישן פאָלק, און איר זאָלט זאָגן צו זיי: גענענט צו מיר איטלעכער זיין אָקס, און איטלעכער זיין שעפּס, און איר זאָלט שעכטן דאָ און עסן, און איר זאָלט ניט זינדיקן צו גאָט, צו עסן מיטן בלוט.

האָט דאָס גאַנצע פאָלק גענענט איטלעכער זיין אָקס מיט זיין האַנט יענע נאַכט; און זיי האָבן דאָרטן געשאָכטן.

35 און שאָול האָט געבויט אַ מזבח צו גאָט. דאָס איז געווען דער ערשטער מזבח וואָס ער האָט געבויט צו גאָט.

36 און שאָול האָט געזאָגט: לאָמיר אַראָפּנידערן נאָך די פלשתים ביי נאַכט, און רויבן צווישן זיי ביזן ליכט פון פרימאָרגן, און לאָמיר ניט איבערלאָזן פון זיי אַ מאַן. האָבן זיי געזאָגט: אַלץ וואָס איז גוט אין דיינע אויגן, טו. האָט דער כהן געזאָגט: לאָמיר גענענען אַהער צו גאָט. 37 און שאָול האָט געפרעגט ביי גאָט: זאָל איך אַראָפּ־נידערן נאָך די פלשתים? וועסטו זיי געבן אין דער האַנט פון ישראל? אָבער ער האָט אים ניט געענטפערט אין יענעם טאָג. 38 האָט שאָול געזאָגט: גענענט אַהער, אַלע פאַרשטייער פון פאָלק, און ווערט געוואָר און זעט, דורך וואָס איז געשען דידאָזיקע זינד היינט? 39 וואָרום אַזוי ווי עס לעבט יהוה וואָס העלפט ישראל, אַפילו ווען דאָס איז אין מיין זון יונתנען, אַז שטאַרבן מוז ער שטאַרבן! אָבער קיינער פון גאַנצן פאָלק האָט אים ניט געענטפערט. 40 האָט ער געזאָגט צו גאַנץ ישראל: איר וועט זיין אויף איין זייט, און איך און מיין זון יונתן וועלן זיין אויף דער אַנדער זייט. האָט דאָס פאָלק געזאָגט צו שאָולן: וואָס איז גוט אין דיינע אויגן, טו. 41 האָט שאָול געזאָגט צו יהוה דעם גאָט פון ישראל:

הָבָה תָמִים וַיִּלָּכֵד יוֹנָתָן וְשָׁאוּל וְהָעָם יָצָאוּ׃ וַיֹּאמֶר
מב שָׁאוּל הַפִּילוּ בֵּינִי וּבֵין יוֹנָתָן בְּנִי וַיִּלָּכֵד יוֹנָתָן׃ וַיֹּאמֶר
מג שָׁאוּל אֶל־יוֹנָתָן הַגִּידָה לִּי מֶה עָשִׂיתָה וַיַּגֶּד־לוֹ יוֹנָתָן
וַיֹּאמֶר טָעֹם טָעַמְתִּי בִּקְצֵה הַמַּטֶּה אֲשֶׁר־בְּיָדִי מְעַט דְּבַשׁ
מד הִנְנִי אָמוּת׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל כֹּה־יַעֲשֶׂה אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִף
מה כִּי־מוֹת תָּמוּת יוֹנָתָן׃ וַיֹּאמֶר הָעָם אֶל־שָׁאוּל הֲיוֹנָתָן יָמוּת
אֲשֶׁר עָשָׂה הַיְשׁוּעָה הַגְּדוֹלָה הַזֹּאת בְּיִשְׂרָאֵל חָלִילָה חַי־
יְהוָה אִם־יִפֹּל מִשַּׂעֲרַת רֹאשׁוֹ אַרְצָה כִּי־עִם־אֱלֹהִים עָשָׂה
מו הַיּוֹם הַזֶּה וַיִּפְדּוּ הָעָם אֶת־יוֹנָתָן וְלֹא־מֵת׃ וַיַּעַל
שָׁאוּל מֵאַחֲרֵי פְּלִשְׁתִּים וּפְלִשְׁתִּים הָלְכוּ לִמְקוֹמָם׃
מז וְשָׁאוּל לָכַד הַמְּלוּכָה עַל־יִשְׂרָאֵל וַיִּלָּחֶם סָבִיב ׀ בְּכָל־
אֹיְבָיו בְּמוֹאָב ׀ וּבִבְנֵי־עַמּוֹן וּבֶאֱדוֹם וּבְמַלְכֵי צוֹבָה
מח וּבַפְּלִשְׁתִּים וּבְכֹל אֲשֶׁר־יִפְנֶה יַרְשִׁיעַ׃ וַיַּעַשׂ חַיִל וַיַּךְ
מט אֶת־עֲמָלֵק וַיַּצֵּל אֶת־יִשְׂרָאֵל מִיַּד שֹׁסֵהוּ׃ וַיִּהְיוּ בְּנֵי
שָׁאוּל יוֹנָתָן וְיִשְׁוִי וּמַלְכִּישׁוּעַ וְשֵׁם שְׁתֵּי בְנֹתָיו שֵׁם הַבְּכִירָה
נ מֵרַב וְשֵׁם הַקְּטַנָּה מִיכַל׃ וְשֵׁם אֵשֶׁת שָׁאוּל אֲחִינֹעַם
בַּת־אֲחִימָעַץ וְשֵׁם שַׂר־צְבָאוֹ אֲבִינֵר בֶּן־נֵר דּוֹד שָׁאוּל׃
נא נב וְקִישׁ אֲבִי־שָׁאוּל וְנֵר אֲבִי־אַבְנֵר בֶּן־אֲבִיאֵל׃ וַתְּהִי
הַמִּלְחָמָה חֲזָקָה עַל־פְּלִשְׁתִּים כֹּל יְמֵי שָׁאוּל וְרָאָה שָׁאוּל
כָּל־אִישׁ גִּבּוֹר וְכָל־בֶּן־חַיִל וַיַּאַסְפֵהוּ אֵלָיו׃

## טו

א וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל אֹתִי שָׁלַח יְהוָה לִמְשָׁחֳךָ לְמֶלֶךְ
עַל־עַמּוֹ עַל־יִשְׂרָאֵל וְעַתָּה שְׁמַע לְקוֹל דִּבְרֵי יְהוָה׃
ב כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת פָּקַדְתִּי אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה עֲמָלֵק
ג לְיִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־שָׂם לוֹ בַּדֶּרֶךְ בַּעֲלֹתוֹ מִמִּצְרָיִם׃ עַתָּה
לֵךְ וְהִכִּיתָה אֶת־עֲמָלֵק וְהַחֲרַמְתֶּם אֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ וְלֹא
תַחְמֹל עָלָיו וְהֵמַתָּה מֵאִישׁ עַד־אִשָּׁה מֵעֹלֵל וְעַד־יוֹנֵק

יד, מט׳ ס״א פתח בס״פ טו א׳ הפטרת פ׳ זכור והאשכנזים מתחילין כה אמר ג׳ מלרע

גיב די ריכטיקייט. זיינען פאַרנומען געוואָרן יוֹנָתָן און שָׁאוּל, און דאָס פאָלק איז אַרויס. [42] האָט שָׁאוּל געזאָגט: וואַרפט צווישן מיר און צווישן מיין זון יוֹנָתָנען; און יוֹנָתָן איז פאַרנומען געוואָרן. [43] האָט שָׁאוּל געזאָגט צו יוֹנָתָנען: דערצייל מיר וואָס דו האָסט געטאָן. האָט אים יוֹנָתָן דערציילט און האָט געזאָגט: פאַרזוכן האָב איך פאַרזוכט מיטן שפּיץ פון דעם שטעקן וואָס אין מיין האַנט אַ ביסל האָניק. אָט בין איך; לאָמיך שטאַרבן. [44] האָט שָׁאוּל געזאָגט: זאָל גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער, אַז שטאַרבן מוזטו שטאַרבן, יוֹנָתָן! [45] האָט דאָס פאָלק געזאָגט צו שָׁאוּלן: זאָל יוֹנָתָן שטאַרבן, דער וואָס האָט אויפגעטאָן דידאָזיקע גרויסע ישועה אין ישראל? חלילה! אַזוי ווי יהוה לעבט, אויב אַ האָר פון זיין קאָפּ וועט פאַלן צו דער ערד! וואָרום מיט גאָט האָט ער דאָס אויפגעטאָן היינטיקן טאָג. און דאָס פאָלק האָט אויסגעלייזט יוֹנָתָנען, און ער איז ניט געשטאָרבן.

[46] און שָׁאוּל איז אַוועק פון הינטער די פּלִשתּים, און די פּלִשתּים זיינען געגאַנגען צו זייער אָרט.

[47] און שָׁאוּל האָט פאַרנומען די מלוכה איבער ישראל, און ער האָט מלחמה געהאַלטן רונד אַרום מיט אַלע זייערע פיינט, מיט מוֹאָב, און מיט די קינדער פון עַמוֹן, און מיט אֱדוֹם, און מיט די מלכים פון צוֹבָה, און מיט די פּלִשתּים; און אומעטום וווּ ער פלעגט זיך קערן, פלעגט ער זיי אָנטאָן שלעכטס. [48] און ער האָט אויפגעטאָן העלדישקייט, און האָט געשלאָגן עֲמָלֵק, און מציל געווען ישראל פון דער האַנט פון זיין רויבער.

[49] און שָׁאוּלס זין זיינען געווען יוֹנָתָן, און יִשְׁוִי, און מַלכּישוּעַ; און די נעמען פון זיינע צוויי טעכטער זיינען געווען: דער נאָמען פון דער עלטערער, מֵרַב, און דער נאָמען פון דער קלענערער מיכל. [50] און דער נאָמען פון שָׁאוּלס ווייב איז געווען אֲחִינוֹעַם די טאָכטער פון אֲחִימַעַצן; און דער נאָמען פון זיין חיל־פירער אַבִינֵר דער זון פון נֵר, שָׁאוּלס פעטער. [51] אי קיש דער פאָטער פון שָׁאוּלן, אי נֵר דער פאָטער פון אַבנֵרן, איז געווען אַ זון פון אַביאֵלן.

[52] און די מלחמה אויף די פּלִשתּים איז געווען שטאַרק אַלע טעג פון שָׁאוּלן. און ווי שָׁאוּל פלעגט זען עמיץ אַ מאַן אַ גיבור, אָדער עמיץ אַ העלדישן יונג, אַזוי האָט ער אים צוגענומען צו זיך.

## טו

[1] און שמואל האָט געזאָגט צו שָׁאוּלן: מיך האָט גאָט געשיקט דיך צו זאַלבן פאַר אַ מלך איבער זיין פאָלק, איבער ישראל; דרום הער אַצונד צו דעם קָול פון די ווערטער פון גאָט. [2] אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת: איך געדענק וואָס עֲמָלֵק האָט געטאָן צו ישראל, ווי ער האָט זיך אים געשטעלט אין וועג ביי זיין אַרויפגיין פון מִצרַיִם. [3] אַצונד גיי און זאָלסט שלאָגן עֲמָלֵק; און איר זאָלט פאַרוויסטן אַלץ וואָס ער האָט, און זאָלסט זיך ניט דערבאַרימען אויף

אים, און זאָלסט טייטן פון אַ מאַן ביז אַ פרוי, פון אַ קינד
ביז אַ זויגעדיקן, פון אַן אָקס ביז אַ שעפּס, פון אַ קעמל
ביז אַן אייזל.

[4] האָט שָׁאוּל צונויפגערופן דאָס פאָלק, און ער האָט
זיי איבערגעציילט אין טְלָאִים, צוויי הונדערט טויזנט פוס־
גייער, און צען טויזנט מאַן פון יהודה. [5] און שָׁאוּל איז
געקומען צו דער שטאָט פון עֲמָלֵק, און ער האָט מלחמה
געהאַלטן אין טאָל. [6] און שָׁאוּל האָט געזאָגט צום קֵינִי:
קומט גייט אַוועק, נידערט אַראָפּ פון צווישן עֲמָלֵק, כּדי
איך זאָל דיך ניט אומברענגען מיט אים; און דו האָסט
דאָך געטאָן חסד מיט אַלע קינדער פון ישׂראל ביי זייער
אַרויפגיין פון מִצְרַיִם. האָט דער קֵינִי אָפּגעטרעטן פון
צווישן עֲמָלֵק.

[7] און שָׁאוּל האָט געשלאָגן עֲמָלֵק פון חֲוִילָה ווי דו
קומסט קיין שור וואָס פאַר מִצְרַיִם. [8] און ער האָט גע־
כאַפּט אַגָג דעם מלך פון עֲמָלֵק אַ לעבעדיקן, און דאָס
גאַנצע פאָלק האָט ער פאַרוויסט מיטן שאַרף פון שווערד.
[9] אָבער שָׁאוּל און דאָס פאָלק האָבן געשוינט אַגָגן, און די
בעסטע פון די שאָף און די רינדער—די צווייטגעבאָרענע,
און די לעמער, און דאָס גאַנצע גוטס, און זיי האָבן ניט
געוואָלט זיי פאַרוויסטן. נאָר אַלדאָס נישטווערטיקע און
צעקראָכענע פי, דאָס האָבן זיי פאַרוויסט.

[10] איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו שמואלן, אַזוי
צו זאָגן: [11] איך האָב חרטה וואָס איך האָב געמאַכט
שָׁאוּלן פאַר אַ מלך, וואָרום ער האָט זיך אָפּגעקערט פון הינטער מיר, און מיינע ווערטער האָט ער ניט מקיים
געווען.

האָט שמואלן געערגערט, און ער האָט געשריען צו גאָט אַ גאַנצע נאַכט. [12] און שמואל האָט זיך געפעדערט אין
דער פרי צו באַגעגענען שָׁאוּלן. איז אָנגעזאָגט געוואָרן שמואלן, אַזוי צו זאָגן: שָׁאוּל איז געקומען קיין כַּרְמֶל, און זע, ער
האָט זיך אויפגעשטעלט אַן אָנדענק, און האָט זיך אויסגעדרייט, און איז אַוועק און האָט אַראָפּגענידערט קיין גִלְגָל. [13] איז
שמואל געקומען צו שָׁאוּלן, און שָׁאוּל האָט צו אים געזאָגט: געבענטשט זאָלסטו זיין פון גאָט! איך האָב מקיים געווען
דאָס וואָרט פון גאָט. [14] האָט שמואל געזאָגט: און וואָס איז דערדאָזיקער קָול פון די שאָף אין מיינע אויערן, און דער
קָול פון די רינדער וואָס איך הער? [15] האָט שָׁאוּל געזאָגט: פון עֲמָלֵק האָט מען זיי געבראַכט, וואָרום דאָס פאָלק האָט
געשוינט די בעסטע פון די שאָף און די רינדער, כּדי צו שלאַכטן צו יהוה דיין גאָט; אָבער דאָס איבעריקע האָבן מיר
פאַרוויסט. [16] האָט שמואל געזאָגט צו שָׁאוּלן: הער אויף, און איך וועל דיר זאָגן וואָס גאָט האָט צו מיר גערעדט די
נאַכט. האָט ער צו אים געזאָגט: רעד.

[17] האָט שמואל צו אים געזאָגט: פאַרוואָר, אויב דו ביסט קליין אין דיינע אויגן, ביסטו אָבער דער קאָפּ פון די שבטים
פון ישׂראל, און דיך האָט גאָט געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער ישׂראל. [18] און גאָט האָט דיך געשיקט אויף אַ וועג, און האָט
געזאָגט: גיי און זאָלסט פאַרוויסטן די זינדיקע, עֲמָלֵק, און זאָלסט האַלטן מלחמה אויף זיי ביז מע וועט זיי פאַרלענדן. [19] טאָ

ד מִשּׁוֹר וְעַד־שֶׂה מִגָּמָל וְעַד־חֲמוֹר׃ וַיְשַׁמַּע שָׁאוּל
אֶת־הָעָם וַיִּפְקְדֵם בַּטְּלָאִים מָאתַיִם אֶלֶף רַגְלִי וַעֲשֶׂרֶת
ה אֲלָפִים אֶת־אִישׁ יְהוּדָה׃ וַיָּבֹא שָׁאוּל עַד־עִיר עֲמָלֵק וַיָּרֶב
ו בַּנָּחַל׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־הַקֵּינִי לְכוּ סֻּרוּ רְדוּ מִתּוֹךְ
עֲמָלֵקִי פֶּן־אֹסִפְךָ עִמּוֹ וְאַתָּה עָשִׂיתָה חֶסֶד עִם־כָּל־בְּנֵי
ז יִשְׂרָאֵל בַּעֲלוֹתָם מִמִּצְרָיִם וַיָּסַר קֵינִי מִתּוֹךְ עֲמָלֵק׃ וַיַּךְ
שָׁאוּל אֶת־עֲמָלֵק מֵחֲוִילָה בּוֹאֲךָ שׁוּר אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי
ח מִצְרָיִם׃ וַיִּתְפֹּשׂ אֶת־אֲגַג מֶלֶךְ־עֲמָלֵק חָי וְאֶת־כָּל־הָעָם
ט הֶחֱרִים לְפִי־חָרֶב׃ וַיַּחְמֹל שָׁאוּל וְהָעָם עַל־אֲגָג וְעַל־
מֵיטַב הַצֹּאן וְהַבָּקָר וְהַמִּשְׁנִים וְעַל־הַכָּרִים וְעַל־כָּל־הַטּוֹב
וְלֹא אָבוּ הַחֲרִימָם וְכָל־הַמְּלָאכָה נְמִבְזָה וְנָמֵס אֹתָהּ
יא הֶחֱרִימוּ׃ וַיְהִי דְּבַר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל לֵאמֹר׃ נִחַמְתִּי
כִּי־הִמְלַכְתִּי אֶת־שָׁאוּל לְמֶלֶךְ כִּי־שָׁב מֵאַחֲרַי וְאֶת־דְּבָרַי
לֹא הֵקִים וַיִּחַר לִשְׁמוּאֵל וַיִּזְעַק אֶל־יְהוָה כָּל־הַלָּיְלָה׃
יב וַיַּשְׁכֵּם שְׁמוּאֵל לִקְרַאת שָׁאוּל בַּבֹּקֶר וַיֻּגַּד לִשְׁמוּאֵל
לֵאמֹר בָּא־שָׁאוּל הַכַּרְמֶלָה וְהִנֵּה מַצִּיב לוֹ יָד וַיִּסֹּב וַיַּעֲבֹר
יג וַיֵּרֶד הַגִּלְגָּל׃ וַיָּבֹא שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל וַיֹּאמֶר לוֹ שָׁאוּל
יד בָּרוּךְ אַתָּה לַיהוָה הֲקִימֹתִי אֶת־דְּבַר יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל
וּמֶה קוֹל־הַצֹּאן הַזֶּה בְּאָזְנָי וְקוֹל הַבָּקָר אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁמֵעַ׃
טו וַיֹּאמֶר שָׁאוּל מֵעֲמָלֵקִי הֱבִיאוּם אֲשֶׁר חָמַל הָעָם עַל־
מֵיטַב הַצֹּאן וְהַבָּקָר לְמַעַן זְבֹחַ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ וְאֶת־הַיּוֹתֵר
טז הֶחֱרַמְנוּ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל הֶרֶף וְאַגִּידָה לְּךָ
אֵת אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה אֵלַי הַלָּיְלָה וַיֹּאמְרוּ לוֹ דַּבֵּר׃
יז וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל הֲלוֹא אִם־קָטֹן אַתָּה בְּעֵינֶיךָ רֹאשׁ שִׁבְטֵי
יח יִשְׂרָאֵל אָתָּה וַיִּמְשָׁחֲךָ יְהוָה לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁלָחֲךָ
יְהוָה בְּדָרֶךְ וַיֹּאמֶר לֵךְ וְהַחֲרַמְתָּה אֶת־הַחַטָּאִים אֶת־
יט עֲמָלֵק וְנִלְחַמְתָּ בוֹ עַד־כַּלּוֹתָם אֹתָם׃ וְלָמָּה לֹא־שָׁמַעְתָּ

פי׳ פתח בס״פ   טז׳ ויאמר קרי

בְּקוֹל יְהוָה וַתַּעַט אֶל־הַשָּׁלָל וַתַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה׃
כ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־שְׁמוּאֵל אֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי בְּקוֹל
יְהוָה וָאֵלֵךְ בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־שְׁלָחַנִי יְהוָה וָאָבִיא אֶת־אֲגַג
כא מֶלֶךְ עֲמָלֵק וְאֶת־עֲמָלֵק הֶחֱרַמְתִּי׃ וַיִּקַּח הָעָם מֵהַשָּׁלָל
צֹאן וּבָקָר רֵאשִׁית הַחֵרֶם לִזְבֹּחַ לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ בַּגִּלְגָּל׃
כב וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל הַחֵפֶץ לַיהוָה בְּעֹלוֹת וּזְבָחִים
כִּשְׁמֹעַ בְּקוֹל יְהוָה הִנֵּה שְׁמֹעַ מִזֶּבַח טוֹב לְהַקְשִׁיב
כג מֵחֵלֶב אֵילִים׃ כִּי חַטַּאת־קֶסֶם מֶרִי וְאָוֶן וּתְרָפִים
הַפְצַר יַעַן מָאַסְתָּ אֶת־דְּבַר יְהוָה וַיִּמְאָסְךָ מִמֶּלֶךְ׃
כד וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־שְׁמוּאֵל חָטָאתִי כִּי־עָבַרְתִּי אֶת־פִּי־
יְהוָה וְאֶת־דְּבָרֶיךָ כִּי יָרֵאתִי אֶת־הָעָם וָאֶשְׁמַע בְּקוֹלָם׃
כה וְעַתָּה שָׂא נָא אֶת־חַטָּאתִי וְשׁוּב עִמִּי וְאֶשְׁתַּחֲוֶה לַיהוָה׃
כו וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל לֹא אָשׁוּב עִמָּךְ כִּי
מָאַסְתָּה אֶת־דְּבַר יְהוָה וַיִּמְאָסְךָ יְהוָה מִהְיוֹת מֶלֶךְ עַל־
כז יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּסֹּב שְׁמוּאֵל לָלֶכֶת וַיַּחֲזֵק בִּכְנַף־מְעִילוֹ וַיִּקָּרַע׃
כח וַיֹּאמֶר אֵלָיו שְׁמוּאֵל קָרַע יְהוָה אֶת־מַמְלְכוּת
כט יִשְׂרָאֵל מֵעָלֶיךָ הַיּוֹם וּנְתָנָהּ לְרֵעֲךָ הַטּוֹב מִמֶּךָּ׃ וְגַם
נֵצַח יִשְׂרָאֵל לֹא יְשַׁקֵּר וְלֹא יִנָּחֵם כִּי לֹא אָדָם הוּא לְהִנָּחֵם׃
ל וַיֹּאמֶר חָטָאתִי עַתָּה כַּבְּדֵנִי נָא נֶגֶד זִקְנֵי־עַמִּי וְנֶגֶד יִשְׂרָאֵל
לא וְשׁוּב עִמִּי וְהִשְׁתַּחֲוֵיתִי לַיהוָה אֱלֹהֶיךָ׃ וַיָּשָׁב שְׁמוּאֵל
לב אַחֲרֵי שָׁאוּל וַיִּשְׁתַּחוּ שָׁאוּל לַיהוָה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל
הַגִּישׁוּ אֵלַי אֶת־אֲגַג מֶלֶךְ עֲמָלֵק וַיֵּלֶךְ אֵלָיו אֲגַג מַעֲדַנֹּת
לג וַיֹּאמֶר אֲגָג אָכֵן סָר מַר־הַמָּוֶת׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל
כַּאֲשֶׁר שִׁכְּלָה נָשִׁים חַרְבֶּךָ כֵּן־תִּשְׁכַּל מִנָּשִׁים אִמֶּךָ
לד וַיְשַׁסֵּף שְׁמוּאֵל אֶת־אֲגָג לִפְנֵי יְהוָה בַּגִּלְגָּל׃ וַיֵּלֶךְ
שְׁמוּאֵל הָרָמָתָה וְשָׁאוּל עָלָה אֶל־בֵּיתוֹ גִּבְעַת שָׁאוּל׃*
לה וְלֹא־יָסַף שְׁמוּאֵל לִרְאוֹת אֶת־שָׁאוּל עַד־יוֹם מוֹתוֹ כִּי־

כ׳ פתח בס״פ לד׳ ע״ב

פאַרוואָס האָסטו ניט צוגעהערט צו דעם קָול פון גאָט, און האָסט זיך אַ לאָז געטאָן צום רויב, און געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט? 20 האָט שָׁאול געזאָגט צו שמואלן: איך האָב דאָך צוגעהערט צו דעם קָול פון גאָט, און בין געגאַנגען אויף דעם וועג וואָס גאָט האָט מיך געשיקט, און האָב געבראַכט אֲגַג דעם מלך פון עֲמָלֵק, און עֲמָלֵק האָב איך פאַרוויסט. 21 אָבער דאָס פאָלק האָט גענומען פון דעם רויב שאָף און רינדער, דאָס בעסטע פון דעם חרם, כּדי צו שלאַכטן צו יהוה דיין גאָט אין גִלְגָל.
22 האָט שמואל געזאָגט:

באַגערט דען גאָט בראַנדאָפּפער און שלאַכטאָפּפער,
ווי צוהערן צו דעם קָול פון גאָט?
זע, צוהערן איז בעסער פון שלאַכטאָפּפער,
צו געהאָרכן—פון פעטס פון ווידערס;
23 וואָרום זינד פון כּישוף איז ווידערשפּעניקייט,
און געצנדינסט און תּרפים איז אײַנגעשפּאַרט זיין.

ווייל דו האָסט פאַראַכט דאָס וואָרט פון גאָט, אַזוי האָט ער דיך פאַראַכט פון צו זיין אַ מלך. 24 האָט שָׁאול געזאָגט: איך האָב געזינדיקט וואָס איך האָב איבערגעטרעטן דאָס באַפעל פון גאָט און דיינע ווערטער, ווייל איך האָב מורא געהאַט פאַרן פאָלק, און האָב זיך צוגעהערט צו זייער קָול. 25 און אַצונד, פאַרגיב, איך בעט דיך, מיין זינד, און קער זיך אום מיט מיר, און איך וועל זיך בוקן צו גאָט. 26 האָט שמואל געזאָגט צו שָׁאולן: איך וועל זיך ניט אומקערן מיט דיר, וואָרום דו האָסט פאַראַכט דאָס וואָרט פון גאָט, און גאָט האָט דיך פאַראַכט פון צו זיין אַ מלך איבער ישראל.

27 און ווי שמואל האָט זיך אומגעדרייט אַוועקצוגיין, אַזוי האָט [שָׁאול] אָנגענומען דעם ברעג פון זיין מאַנטל, און ער האָט זיך אָפּגעריסן. 28 האָט שמואל צו אים געזאָגט: גאָט האָט היינט אָפּגעריסן פון דיר די מלוכה פון ישראל, און האָט זי אַוועקגעגעבן צו אַן אַנדערן וואָס איז בעסער פון דיר. 29 און דער אייביקער פון ישראל זאָגט אויך ניט ליגן, און האָט ניט חרטה; וואָרום ניט אַ מענטש איז ער, חרטה צו האָבן.

30 האָט ער געזאָגט: איך האָב געזינדיקט, אָבער אַצונד, טו מיר, איך בעט דיך, דעם כּבוד פאַר די עלטסטע פון מיין פאָלק און פאַר ישראל, און קער זיך אום מיט מיר, און איך וועל זיך בוקן צו יהוה דיין גאָט.

31 האָט שמואל זיך אומגעקערט נאָך שָׁאולן, און שָׁאול האָט זיך געבוקט צו גאָט.

32 און שמואל האָט געזאָגט: מאַכט גענענען צו מיר אֲגַג דעם מלך פון עֲמָלֵק. איז אֲגַג צוגעגאַנגען צו אים אין קייטן. און אֲגַג האָט געזאָגט: פאַרוואָר, די ביטערקייט פון טויט איז געקומען. 33 האָט שמואל געזאָגט:

אַזוי ווי דיין שווערד האָט ווייבער אָן קינדער געלאָזט,
זאָל צווישן ווייבער דיין מוטער אָן קינדער בלייבן.

און שמואל האָט צעהאַקט אֲגָגן פאַר גאָט אין גִלְגָל.

34 און שמואל איז אַוועקגעגאַנגען קיין רָמָה, און שָׁאול איז אַרויפגעגאַנגען צו זיין הויז אין גִבְעַת־שָׁאול. 35 און שמואל

האָט מער ניט געזען שאולן ביז דעם טאָג פון זיין טויט, וואָרום שמואל האָט געטרויערט וועגן שאולן; און גאָט האָט חרטה געהאַט וואָס ער האָט געמאַכט שאולן פאַר אַ מלך איבער ישראל.

# טז

[1] און גאָט האָט געזאָגט צו שמואלן: ביז וואַנען וועסטו טרויערן וועגן שאולן, אַז איך האָב אים פאַראַכט פון צו קיניגן איבער ישראל? פיל אָן דיין האָרן מיט אייל, און קום, איך וועל דיך שיקן צו ישַין פון בית־לֶחֶם, וואָרום איך האָב מיר געזען אַ מלך צווישן זיינע זין. [2] האָט שמואל געזאָגט: ווי קען איך גיין? אַז שאול וועט הערן, וועט ער מיך הרגען. האָט גאָט געזאָגט: אַ יונגע קו וועסטו נעמען מיט זיך, און וועסט זאָגן: צו שלאַכטן צו גאָט בין איך געקומען. [3] און וועסט פאַררופן ישַין צום שלאַכטאָפּפער, און איך וועל דיך לאָזן וויסן וואָס דו זאָלסט טאָן; און וועסט מיר זאַלבן דעם וואָס איך וועל דיר זאָגן.

[4] האָט שמואל געטאָן וואָס גאָט האָט געהייסן, און ער איז געקומען קיין בית־לֶחֶם. און די עלטסטע פון שטאָט האָבן געאײַלט אים אַנטקעגן, און געזאָגט: פריד צו דיין קומען! [5] האָט ער געזאָגט: פריד! צו שלאַכטן צו גאָט בין איך געקומען. הייליקט אײַך, און איר וועט קומען מיט מיר צום שלאַכטאָפּפער. און ער האָט געהייסן ישַין און זיינע זין זיך הייליקן, און האָט זיי פאַררופן צום שלאַכטאָפּפער.

[6] און עס איז געווען, ווי זיי זיינען געקומען, אַזוי האָט ער דערזען אֶליאָבן, און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָר, אַנטקעגן גאָט איז זיין געזאַלבטער. [7] האָט גאָט געזאָגט צו שמואלן: זאָלסט ניט קוקן אויף זיין אויסזען, און אויף זיין הויכן וווּקס, וואָרום איך וויל אים ניט; וואָרום עס איז ניט ווי דער מענטש זעט; ווייל דער מענטש זעט נאָכן אָנבליק, אָבער גאָט זעט נאָכן האַרצן. [8] האָט ישַי גערופן אַבינָדָבן, און האָט אים פאַרבייגעפירט פאַר שמואלן, אָבער ער האָט געזאָגט: אויך דעמדאָזיקן האָט גאָט ניט אויסדערוויילט. [9] האָט ישַי פאַרבייגעפירט שַמָהן, אָבער ער האָט געזאָגט: אויך דעמדאָזיקן האָט גאָט ניט אויסדערוויילט. [10] אַזוי האָט ישַי פאַרבייגעפירט זיבן פון זיינע זין פאַר שמואלן, און שמואל האָט געזאָגט צו ישַין: גאָט האָט ניט אויסדערוויילט דידאָזיקע. [11] און שמואל האָט געזאָגט צו ישַין: געענדיקט די יונגען? האָט ער געזאָגט: עס איז נאָך געבליבן דער קלענסטער; און אָט איז ער אַ פּאַסטוך ביי די שאָף. האָט שמואל געזאָגט צו ישַין: שיק און ברענג אים; וואָרום מיר וועלן זיך ניט זעצן, ביז ער קומט אַהער. [12] האָט ער געשיקט און אים געבראַכט. און ער איז געווען אַ גערויטלטער, מיט שיינע אויגן און אַ פיינעם אויסזען. און גאָט האָט געזאָגט: שטיי אויף, זאַלב אים, וואָרום ער איז דאָס. [13] האָט שמואל גענומען דעם האָרן מיט אייל, און האָט אים

הִתְאַבֵּל שְׁמוּאֵל אֶל־שָׁאוּל וַיהוָה נִחָם כִּי־הִמְלִיךְ אֶת־
שָׁאוּל עַל־יִשְׂרָאֵל׃

טז

א וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל עַד־מָתַי אַתָּה מִתְאַבֵּל אֶל־
שָׁאוּל וַאֲנִי מְאַסְתִּיו מִמְּלֹךְ עַל־יִשְׂרָאֵל מַלֵּא קַרְנְךָ שֶׁמֶן
וְלֵךְ אֶשְׁלָחֲךָ אֶל־יִשַׁי בֵּית־הַלַּחְמִי כִּי־רָאִיתִי בְּבָנָיו לִי
ב מֶלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֵיךְ אֵלֵךְ וְשָׁמַע שָׁאוּל וַהֲרָגָנִי
• וַיֹּאמֶר יְהוָה עֶגְלַת בָּקָר תִּקַּח בְּיָדֶךָ וְאָמַרְתָּ
ג לִזְבֹּחַ לַיהוָה בָּאתִי׃ וְקָרָאתָ לְיִשַׁי בַּזָּבַח וְאָנֹכִי אוֹדִיעֲךָ
ד אֵת אֲשֶׁר־תַּעֲשֶׂה וּמָשַׁחְתָּ לִי אֵת אֲשֶׁר־אֹמַר אֵלֶיךָ׃ וַיַּעַשׂ
שְׁמוּאֵל אֵת אֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה וַיָּבֹא בֵּית לָחֶם וַיֶּחֶרְדוּ
ה זִקְנֵי הָעִיר לִקְרָאתוֹ וַיֹּאמֶר שָׁלֹם בּוֹאֶךָ׃ וַיֹּאמֶר ׀ שָׁלוֹם
לִזְבֹּחַ לַיהוָה בָּאתִי הִתְקַדְּשׁוּ וּבָאתֶם אִתִּי בַּזָּבַח וַיְקַדֵּשׁ
ו אֶת־יִשַׁי וְאֶת־בָּנָיו וַיִּקְרָא לָהֶם לַזָּבַח׃ וַיְהִי בְּבוֹאָם
וַיַּרְא אֶת־אֱלִיאָב וַיֹּאמֶר אַךְ נֶגֶד יְהוָה מְשִׁיחוֹ׃
ז וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שְׁמוּאֵל אַל־תַּבֵּט אֶל־מַרְאֵהוּ וְאֶל־גְּבֹהַּ
קוֹמָתוֹ כִּי מְאַסְתִּיהוּ כִּי ׀ לֹא אֲשֶׁר יִרְאֶה הָאָדָם כִּי הָאָדָם
ח יִרְאֶה לַעֵינַיִם וַיהוָה יִרְאֶה לַלֵּבָב׃ וַיִּקְרָא יִשַׁי אֶל־
אֲבִינָדָב וַיַּעֲבִרֵהוּ לִפְנֵי שְׁמוּאֵל וַיֹּאמֶר גַּם־בָּזֶה לֹא־בָחַר
ט יְהוָה׃ וַיַּעֲבֵר יִשַׁי שַׁמָּה וַיֹּאמֶר גַּם־בָּזֶה לֹא־בָחַר יְהוָה׃
י וַיַּעֲבֵר יִשַׁי שִׁבְעַת בָּנָיו לִפְנֵי שְׁמוּאֵל וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־
יא יִשַׁי לֹא־בָחַר יְהוָה בָּאֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל אֶל־יִשַׁי הֲתַמּוּ
הַנְּעָרִים וַיֹּאמֶר עוֹד שָׁאַר הַקָּטָן וְהִנֵּה רֹעֶה בַּצֹּאן וַיֹּאמֶר
שְׁמוּאֵל אֶל־יִשַׁי שִׁלְחָה וְקָחֶנּוּ כִּי לֹא־נָסֹב עַד־בֹּאוֹ פֹה׃
יב וַיִּשְׁלַח וַיְבִיאֵהוּ וְהוּא אַדְמוֹנִי עִם־יְפֵה עֵינַיִם וְטוֹב רֹאִי
יג • וַיֹּאמֶר יְהוָה קוּם מְשָׁחֵהוּ כִּי־זֶה הוּא׃ וַיִּקַּח
שְׁמוּאֵל אֶת־קֶרֶן הַשֶּׁמֶן וַיִּמְשַׁח אֹתוֹ בְּקֶרֶב אֶחָיו וַתִּצְלַח

טו,לה׳ קמץ בז״ק   טז,ב׳ פסקא באמצע פסוק   ד׳ סבירין ויאמרו   ז׳ והל׳ בפתח
יב׳ פסקא באמצע פסוק

רוּחַ־יְהוָה אֶל־דָּוִד מֵהַיּוֹם הַהוּא וָמָעְלָה וַיָּקָם שְׁמוּאֵל
וַיֵּלֶךְ הָרָמָתָה׃ וְרוּחַ יְהוָה סָרָה מֵעִם שָׁאוּל וּבִעֲתַתּוּ יד
רוּחַ־רָעָה מֵאֵת יְהוָה׃ וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי־שָׁאוּל אֵלָיו הִנֵּה־ טו
נָא רוּחַ־אֱלֹהִים רָעָה מְבַעִתֶּךָ׃ יֹאמַר־נָא אֲדֹנֵנוּ עֲבָדֶיךָ טז
לְפָנֶיךָ יְבַקְשׁוּ אִישׁ יֹדֵעַ מְנַגֵּן בַּכִּנּוֹר וְהָיָה בִּהְיוֹת עָלֶיךָ
רוּחַ־אֱלֹהִים רָעָה וְנִגֵּן בְּיָדוֹ וְטוֹב לָךְ׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־ יז
עֲבָדָיו רְאוּ־נָא לִי אִישׁ מֵיטִיב לְנַגֵּן וַהֲבִיאוֹתֶם אֵלָי׃ וַיַּעַן יח
אֶחָד מֵהַנְּעָרִים וַיֹּאמֶר הִנֵּה רָאִיתִי בֵּן לְיִשַׁי בֵּית הַלַּחְמִי
יֹדֵעַ נַגֵּן וְגִבּוֹר חַיִל וְאִישׁ מִלְחָמָה וּנְבוֹן דָּבָר וְאִישׁ תֹּאַר
וַיהוָה עִמּוֹ׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים אֶל־יִשָׁי וַיֹּאמֶר שִׁלְחָה יט
אֵלַי אֶת־דָּוִד בִּנְךָ אֲשֶׁר בַּצֹּאן׃ וַיִּקַּח יִשַׁי חֲמוֹר לֶחֶם כ
וְנֹאד יַיִן וּגְדִי עִזִּים אֶחָד וַיִּשְׁלַח בְּיַד־דָּוִד בְּנוֹ אֶל־שָׁאוּל׃
וַיָּבֹא דָוִד אֶל־שָׁאוּל וַיַּעֲמֹד לְפָנָיו וַיֶּאֱהָבֵהוּ מְאֹד וַיְהִי־ כא
לוֹ נֹשֵׂא כֵלִים׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל אֶל־יִשַׁי לֵאמֹר יַעֲמָד־נָא כב
דָוִד לְפָנַי כִּי־מָצָא חֵן בְּעֵינָי׃ וְהָיָה בִּהְיוֹת רוּחַ־אֱלֹהִים כג
אֶל־שָׁאוּל וְלָקַח דָּוִד אֶת־הַכִּנּוֹר וְנִגֵּן בְּיָדוֹ וְרָוַח לְשָׁאוּל
וְטוֹב לוֹ וְסָרָה מֵעָלָיו רוּחַ הָרָעָה׃

יז

וַיַּאַסְפוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־מַחֲנֵיהֶם לַמִּלְחָמָה וַיֵּאָסְפוּ שֹׂכֹה א
אֲשֶׁר לִיהוּדָה וַיַּחֲנוּ בֵּין־שׂוֹכֹה וּבֵין־עֲזֵקָה בְּאֶפֶס דַּמִּים׃
וְשָׁאוּל וְאִישׁ־יִשְׂרָאֵל נֶאֶסְפוּ וַיַּחֲנוּ בְּעֵמֶק הָאֵלָה וַיַּעַרְכוּ ב
מִלְחָמָה לִקְרַאת פְּלִשְׁתִּים׃ וּפְלִשְׁתִּים עֹמְדִים אֶל־הָהָר ג
מִזֶּה וְיִשְׂרָאֵל עֹמְדִים אֶל־הָהָר מִזֶּה וְהַגַּיְא בֵּינֵיהֶם׃ וַיֵּצֵא ד
אִישׁ־הַבֵּנַיִם מִמַּחֲנוֹת פְּלִשְׁתִּים גָּלְיָת שְׁמוֹ מִגַּת גָּבְהוֹ שֵׁשׁ
אַמּוֹת וָזָרֶת׃ וְכוֹבַע נְחֹשֶׁת עַל־רֹאשׁוֹ וְשִׁרְיוֹן קַשְׂקַשִּׂים הוּא ה
לָבוּשׁ וּמִשְׁקַל הַשִּׁרְיוֹן חֲמֵשֶׁת־אֲלָפִים שְׁקָלִים נְחֹשֶׁת׃
וּמִצְחַת נְחֹשֶׁת עַל־רַגְלָיו וְכִידוֹן נְחֹשֶׁת בֵּין כְּתֵפָיו׃ וְחֵץ ו ז

יז, ד׳ בס״א פתח באתנח     ז׳ ועץ קרי

געזאַלבט אין מיטן פון זיינע ברידער. און דער גייסט פון גאָט איז געקומען אויף דודן פון יענעם טאָג אָן און ווייטער. און שמואל איז אויפגעשטאַנען, און איז אַוועקגעגאַנגען קיין רָמָה.

14 און דער גייסט פון גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פון שָאולן, און אים האָט געשראָקן אַ בייזער גייסט פון גאָט. 15 האָבן שָאולס קנעכט צו אים געזאָגט: זע נאָר, אַ בייזער גייסט פון גאָט שרעקט דיך. 16 זאָל אַקאָרשט אונדזער האַר הייסן דיינע קנעכט וואָס פאַר דיר, זיי זאָלן אויפזוכן אַ מאַן וואָס קען שפּילן אויף אַ האַרף; און עס וועט זיין, ווי דער בייזער גייסט פון גאָט איז אויף דיר, אַזוי וועט ער שפּילן מיט זיין האַנט, און דיר וועט בעסער ווערן. 17 האָט שָאול געזאָגט צו זיינע קנעכט: זעט אַקאָרשט פאַר מיר אַ מאַן וואָס שפּילט גוט, און איר זאָלט אים ברענגען צו מיר. 18 האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די יונגען, און האָט געזאָגט: אָט האָב איך געזען אַ זון ביי יִשַין פון בֵּית־לֶחֶם, וואָס קען שפּילן, און איז אַ העלדישער גיבור און אַ מענטש פון מלחמה, און פאַרשטייט אַ זאַך, און איז אַ מענטש מיט אַ געשטאַלט, און גאָט איז מיט אים.

19 האָט שָאול געשיקט שלוחים צו יִשַין, און אָנגעזאָגט: שיק צו מיר דיין זון דודן וואָס ביי די שאָף. 20 האָט יִשַי גענומען אַן אייזל מיט ברויט, און אַ לאָגל וויין, און איין ציגנבעקל, און געשיקט דורך דער האַנט פון זיין זון דודן צו שָאולן. 21 און דוד איז געקומען צו שָאולן, און איז געשטאַנען פאַר אים; און ער האָט אים זייער ליב געקריגן, און ער איז אים געוואָרן אַ וואָפנטרעגער. 22 און שָאול האָט געשיקט צו יִשַין, אַזוי צו זאָגן: זאָל, איך בעט דיך, דוד שטיין פאַר מיר, וואָרום ער האָט געפונען חן אין מיינע אויגן.

23 און עס איז געווען, ווי דער [בייזער] גייסט פון גאָט איז געווען אויף שָאולן, אַזוי פלעגט דוד נעמען די האַרף און שפּילן מיט זיין האַנט, און שָאולן פלעגט אָפּגיין, און אים פלעגט בעסער ווערן, און דער בייזער גייסט פלעגט זיך אָפּטאָן פון אים.

יז 1 און די פּלִשתּים האָבן אַיינגעזאַמלט זייערע מחנות אויף מלחמה. און זיי האָבן זיך אַיינגעזאַמלט אין שׂוֹכוֹ וואָס געהערט צו יהודה, און האָבן געלאַגערט צווישן שׂוֹכוֹ און צווישן עֲזֵקָה, אין אֶפֶס־דַמִים.

2 און שָאול און די מענער פון ישראל האָבן זיך אַיינגעזאַמלט און האָבן געלאַגערט אין טאָל אֵלָה; און זיי האָבן אָנגעריכט אַ מלחמה אַקעגן די פּלִשתּים. 3 און די פּלִשתּים זיינען געשטאַנען אויפן באַרג פון דער זייט, און די ישראל זיינען געשטאַנען אויפן באַרג פון דער אַנדער זייט, מיט דעם טאָל צווישן זיי. 4 איז אַרויסגעגאַנגען דער צווישנמאַן פון דעם לאַגער פון די פּלִשתּים מיטן נאָמען גָלְיַת פון גַת, וואָס זיין הייך איז געווען זעקס איילן און אַ שפּאַן. 5 און אַ קופּערנער קיווער איז געווען אויף זיין קאָפּ, און אין אַ פּאַנצער פון שופּן איז ער געווען אָנגעטאָן, און די וואָג פון דעם פּאַנצער איז געווען פינף טויזנט שֶקל קופּער. 6 און קופּערנע בלעכן זיינען געווען אויף זיינע פיס, און אַ קופּערנע פּיקע צווישן זיינע אַקסלען. 7 און

חֲנִיתוֹ כִּמְנוֹר אֹרְגִים וְלַהֶבֶת חֲנִיתוֹ שֵׁשׁ־מֵאוֹת שְׁקָלִים
ח בַּרְזֶל וְנֹשֵׂא הַצִּנָּה הֹלֵךְ לְפָנָיו׃ וַיַּעֲמֹד וַיִּקְרָא אֶל־מַעַרְכֹת
יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר לָהֶם לָמָּה תֵצְאוּ לַעֲרֹךְ מִלְחָמָה הֲלוֹא
אָנֹכִי הַפְּלִשְׁתִּי וְאַתֶּם עֲבָדִים לְשָׁאוּל בְּרוּ־לָכֶם אִישׁ וְיֵרֵד
ט אֵלָי׃ אִם־יוּכַל לְהִלָּחֵם אִתִּי וְהִכָּנִי וְהָיִינוּ לָכֶם לַעֲבָדִים
וְאִם־אֲנִי אוּכַל־לוֹ וְהִכִּיתִיו וִהְיִיתֶם לָנוּ לַעֲבָדִים וַעֲבַדְתֶּם
י אֹתָנוּ׃ וַיֹּאמֶר הַפְּלִשְׁתִּי אֲנִי חֵרַפְתִּי אֶת־מַעַרְכוֹת יִשְׂרָאֵל
יא הַיּוֹם הַזֶּה תְּנוּ־לִי אִישׁ וְנִלָּחֲמָה יָחַד׃ וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל וְכָל־
יִשְׂרָאֵל אֶת־דִּבְרֵי הַפְּלִשְׁתִּי הָאֵלֶּה וַיֵּחַתּוּ וַיִּרְאוּ מְאֹד׃
יב וְדָוִד בֶּן־אִישׁ אֶפְרָתִי הַזֶּה מִבֵּית לֶחֶם יְהוּדָה וּשְׁמוֹ
יִשַׁי וְלוֹ שְׁמֹנָה בָנִים וְהָאִישׁ בִּימֵי שָׁאוּל זָקֵן בָּא בַאֲנָשִׁים׃
יג וַיֵּלְכוּ שְׁלֹשֶׁת בְּנֵי־יִשַׁי הַגְּדֹלִים הָלְכוּ אַחֲרֵי־שָׁאוּל
לַמִּלְחָמָה וְשֵׁם ׀ שְׁלֹשֶׁת בָּנָיו אֲשֶׁר הָלְכוּ בַּמִּלְחָמָה
יד אֱלִיאָב הַבְּכוֹר וּמִשְׁנֵהוּ אֲבִינָדָב וְהַשְּׁלִשִׁי שַׁמָּה׃ וְדָוִד
טו הוּא הַקָּטָן וּשְׁלֹשָׁה הַגְּדֹלִים הָלְכוּ אַחֲרֵי שָׁאוּל׃ וְדָוִד
הֹלֵךְ וָשָׁב מֵעַל שָׁאוּל לִרְעוֹת אֶת־צֹאן אָבִיו בֵּית־לָחֶם׃
טז וַיִּגַּשׁ הַפְּלִשְׁתִּי הַשְׁכֵּם וְהַעֲרֵב וַיִּתְיַצֵּב אַרְבָּעִים יוֹם׃
יז וַיֹּאמֶר יִשַׁי לְדָוִד בְּנוֹ קַח־נָא לְאַחֶיךָ אֵיפַת הַקָּלִיא הַזֶּה
יח וַעֲשָׂרָה לֶחֶם הַזֶּה וְהָרֵץ הַמַּחֲנֶה לְאַחֶיךָ׃ וְאֵת עֲשֶׂרֶת
חֲרִיצֵי הֶחָלָב הָאֵלֶּה תָּבִיא לְשַׂר הָאָלֶף וְאֶת־אַחֶיךָ
יט תִּפְקֹד לְשָׁלוֹם וְאֶת־עֲרֻבָּתָם תִּקָּח׃ וְשָׁאוּל וְהֵמָּה וְכָל־
אִישׁ יִשְׂרָאֵל בְּעֵמֶק הָאֵלָה נִלְחָמִים עִם־פְּלִשְׁתִּים׃
כ וַיַּשְׁכֵּם דָּוִד בַּבֹּקֶר וַיִּטֹּשׁ אֶת־הַצֹּאן עַל־שֹׁמֵר וַיִּשָּׂא וַיֵּלֶךְ
כַּאֲשֶׁר צִוָּהוּ יִשָׁי וַיָּבֹא הַמַּעְגָּלָה וְהַחַיִל הַיֹּצֵא אֶל־הַמַּעֲרָכָה
כא וְהֵרִעוּ בַּמִּלְחָמָה׃ וַתַּעֲרֹךְ יִשְׂרָאֵל וּפְלִשְׁתִּים מַעֲרָכָה
כב לִקְרַאת מַעֲרָכָה׃ וַיִּטֹּשׁ דָּוִד אֶת־הַכֵּלִים מֵעָלָיו עַל־יַד
שׁוֹמֵר הַכֵּלִים וַיָּרָץ הַמַּעֲרָכָה וַיָּבֹא וַיִּשְׁאַל לְאֶחָיו לְשָׁלוֹם׃

---

ט׳ קמץ בז״ק   יב׳ דגש בפתח

דער האָלץ פון זיין שפּיז איז געווען ווי דער שטאַנג פון אַ וועבער, און דער קלינג פון זיין שפּיז איז געווען זעקס הונדערט שֶקל אַייזן. און דער שילדטרעגער איז געגאַנגען אים פאַרויס.

[8] און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט, און האָט גערופן צו די רייען פון ישׂראל, און האָט צו זיי געזאָגט: נאָך וואָס גייט איר אַרויס אָנריכטן אַ מלחמה? בין איך דען ניט דער פּלִשתּי, און איר קנעכט ביי שָאולן? קלייבט אַייך אויס אַ מאַן, און זאָל ער אַראָפּנידערן צו מיר. [9] אויב ער וועט קענען מלחמה האַלטן מיט מיר, און וועט מיך דערשלאָגן, וועלן מיר זיין קנעכט צו אַייך; און אויב איך וועל אים בייקומען, און וועל אים דערשלאָגן, וועט איר זיין קנעכט צו אונדז, און וועט אונדז דינען.

[10] און דער פּלִשתּי האָט געזאָגט: איך שפּאָט פון די רייען פון ישׂראל היינטיקן טאָג; גיט מיר אַ מאַן, און לאָמיר מלחמה האַלטן מיטאַנאַנדער.

[11] און שָאול און גאַנץ ישׂראל האָבן געהערט די־דאָזיקע ווערטער פון דעם פּלִשתּי, און זיי האָבן זיך דערשראָקן, און האָבן זייער מורא געהאַט.

[12] און דוד איז געווען דער זון פון יענעם אֶפרָתער מאַן פון בֵּית־לֶחֶם־יהודה, וואָס זיין נאָמען איז געווען יִשַי; און ער האָט געהאַט אַכט זין. און דער מאַן איז אין די טעג פון שָאולן געווען אַ זקן וואָס קומט צווישן לייט. [13] און די דריי עלטערע זין פון יִשַין זיינען נעגאַנגען נאָך שָאולן אין דער מלחמה; און די נעמען פון זיינע דריי זין וואָס זיינען געגאַנגען אין דער מלחמה, זיינען געווען: אֶליאָב דער בְכור, און דער צווייטער פון אים אַבינָדָב, און דער דריטער שַמָה. [14] און דוד איז געווען דער קלענסטער; און די דריי גרעסערע זיינען געגאַנגען נאָך שָאולן. [15] און דוד פלעגט גיין און זיך אומקערן פון שָאולן צו פּיטערן די שאָף פון זיין פאָטער אין בֵּית־לֶחֶם.

[16] און דער פּלִשתּי האָט גענענט פרי און שפּעט, און האָט זיך געשטעלט פערציק טעג נאָכאַנאַנד.

[17] און יִשַי האָט געזאָגט צו זיין זון דודן: נעם אַקאָרשט פאַר דיינע ברידער אַן אֵיפָה פון די־דאָזיקע געברענטע זאַנגען, און די־דאָזיקע צען ברויטן, און לויף דערמיט אַריבער אין לאַגער צו דיינע ברידער. [18] און די־דאָזיקע צען קעז זאָלסטו ברענגען צו דעם הויפּטמאַן פון דעם טויזנט; און זאָלסט פרעגן דיינע ברידער אויף פריד, און נעמען פון זיי אַ צייכן.

[19] און שָאול און זיי און אַלע מענער פון ישׂראל זיינען געווען אין טאָל אֵלָה, אין מלחמה מיט די פּלִשתּים.

[20] האָט זיך דוד געפּעדערט אין דער פרי, און ער האָט איבערגעלאָזט די שאָף אויף אַ שומר, און ער האָט גענומען, און איז געגאַנגען אַזוי ווי יִשַי האָט אים באַפוילן, און ער איז אָנגעקומען אין לאַגערדינג, ווען דער חיל וואָס איז אַרויס־געגאַנגען אין שלאַכט, האָט געשאַלט אויף מלחמה. [21] און ישׂראל און די פּלִשתּים האָבן זיך אויסגעשטעלט אַ ריי קעגן אַ ריי. [22] האָט דוד איבערגעלאָזט די זאַכן פון זיך אויף דער האַנט פון דעם שומר פון די זאַכן, און ער איז געלאָפן צום שלאַכטפעלד; און ער איז געקומען און האָט געפרעגט זיינע ברידער אויף פריד.

כג וְהוּא ׀ מְדַבֵּר עִמָּם וְהִנֵּה אִישׁ הַבֵּנַיִם עוֹלֶה גָּלְיָת הַפְּלִשְׁתִּי
שְׁמוֹ מִגַּת ממערות פְּלִשְׁתִּים וַיְדַבֵּר כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה
כד וַיִּשְׁמַע דָּוִד׃ וְכֹל אִישׁ יִשְׂרָאֵל בִּרְאוֹתָם אֶת־הָאִישׁ וַיָּנֻסוּ
כה מִפָּנָיו וַיִּירְאוּ מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר ׀ אִישׁ יִשְׂרָאֵל הַרְּאִיתֶם הָאִישׁ
הָעֹלֶה הַזֶּה כִּי לְחָרֵף אֶת־יִשְׂרָאֵל עֹלֶה וְהָיָה הָאִישׁ
אֲשֶׁר־יַכֶּנּוּ יַעְשְׁרֶנּוּ הַמֶּלֶךְ ׀ עֹשֶׁר גָּדוֹל וְאֶת־בִּתּוֹ יִתֶּן־
כו לוֹ וְאֵת בֵּית אָבִיו יַעֲשֶׂה חָפְשִׁי בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־הָאֲנָשִׁים הָעֹמְדִים עִמּוֹ לֵאמֹר מַה־יֵּעָשֶׂה לָאִישׁ
אֲשֶׁר יַכֶּה אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי הַלָּז וְהֵסִיר חֶרְפָּה מֵעַל יִשְׂרָאֵל
כִּי מִי הַפְּלִשְׁתִּי הֶעָרֵל הַזֶּה כִּי חֵרֵף מַעַרְכוֹת אֱלֹהִים
כז חַיִּים׃ וַיֹּאמֶר לוֹ הָעָם כַּדָּבָר הַזֶּה לֵאמֹר כֹּה יֵעָשֶׂה
כח לָאִישׁ אֲשֶׁר יַכֶּנּוּ׃ וַיִּשְׁמַע אֱלִיאָב אָחִיו הַגָּדוֹל בְּדַבְּרוֹ
אֶל־הָאֲנָשִׁים וַיִּחַר־אַף אֱלִיאָב בְּדָוִד וַיֹּאמֶר ׀ לָמָּה־זֶּה
יָרַדְתָּ וְעַל־מִי נָטַשְׁתָּ מְעַט הַצֹּאן הָהֵנָּה בַּמִּדְבָּר אֲנִי יָדַעְתִּי
אֶת־זְדֹנְךָ וְאֵת רֹעַ לְבָבֶךָ כִּי לְמַעַן רְאוֹת הַמִּלְחָמָה
כט יָרָדְתָּ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד מֶה עָשִׂיתִי עָתָּה הֲלוֹא דָּבָר הוּא׃
ל וַיִּסֹּב מֵאֶצְלוֹ אֶל־מוּל אַחֵר וַיֹּאמֶר כַּדָּבָר הַזֶּה וַיְשִׁבֻהוּ
לא הָעָם דָּבָר כַּדָּבָר הָרִאשׁוֹן׃ וַיִּשָּׁמְעוּ הַדְּבָרִים אֲשֶׁר
לב דִּבֶּר דָּוִד וַיַּגִּדוּ לִפְנֵי־שָׁאוּל וַיִּקָּחֵהוּ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־
שָׁאוּל אַל־יִפֹּל לֵב־אָדָם עָלָיו עַבְדְּךָ יֵלֵךְ וְנִלְחַם עִם־
לג הַפְּלִשְׁתִּי הַזֶּה׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דָּוִד לֹא תוּכַל לָלֶכֶת
אֶל־הַפְּלִשְׁתִּי הַזֶּה לְהִלָּחֵם עִמּוֹ כִּי־נַעַר אַתָּה וְהוּא אִישׁ
לד מִלְחָמָה מִנְּעֻרָיו׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־שָׁאוּל רֹעֶה הָיָה עַבְדְּךָ
לְאָבִיו בַּצֹּאן וּבָא הָאֲרִי וְאֶת־הַדּוֹב וְנָשָׂא שֶׂה מֵהָעֵדֶר׃
לה וְיָצָאתִי אַחֲרָיו וְהִכִּתִיו וְהִצַּלְתִּי מִפִּיו וַיָּקָם עָלַי וְהֶחֱזַקְתִּי
לו בִּזְקָנוֹ וְהִכִּתִיו וַהֲמִיתִּיו׃ גַּם אֶת־הָאֲרִי גַּם־הַדּוֹב הִכָּה
עַבְדֶּךָ וְהָיָה הַפְּלִשְׁתִּי הֶעָרֵל הַזֶּה כְּאַחַד מֵהֶם כִּי חֵרֵף

כג׳ ממערכת קרי    כה׳ ר דגושה    לד׳ כצ״ל שה כתיב וקרי    לה׳ יתיר י

23 ווי ער רעדט מיט זיי, ערשט דער צווישנמאַן וואָס זיין נאָמען איז געווען גָליָת דער פּלשתּי פון גַת, קומט אַרויף פון די רייען פון די פּלשתּים, און ער האָט גערעדט אַזוי ווי יענע רייד; און דוד האָט געהערט.

24 און אַלע מענער פון ישׂראל, ווי זיי האָבן דערזען דעם מאַן, אַזוי זיינען זיי אַנטלאָפן פאַר אים, און האָבן זייער מורא געהאַט. 25 און די מענער פון ישׂראל האָבן געזאָגט: האָט איר געזען דעמדאָזיקן מאַן וואָס קומט אַרויף? וואָרום צו לעסטערן ישׂראל קומט ער אַרויף; און עס וועט זיין, דער מאַן וואָס וועט אים דערשלאָגן, וועט אים דער מלך מעשיר זיין מיט אַ גרויס עשירות, און וועט אים געבן זיין טאָכטער, און זיין פאָטערס הויז וועט ער מאַכן פריי אין ישׂראל.

26 האָט דוד געזאָגט צו די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען לעבן אים, אַזוי צו זאָגן: וואָס וועט געטאָן ווערן צו דעם מאַן וואָס וועט דערשלאָגן יענעם פּלשתּי, און וועט אָפּטאָן די שאַנד פון ישׂראל? וואָרום ווער איז דער־דאָזיקער אומבאַשניטענער פּלשתּי, אַז ער זאָל לעסטערן די רייען פון דעם לעבעדיקן גאָט? 27 האָט דאָס פאָלק אים געזאָגט אַזוי ווי דאָסדאָזיקע גערייד, אַזוי צו זאָגן: אַזוי וועט געטאָן ווערן צו דעם מאַן וואָס וועט אים דער־שלאָגן.

28 האָט אֶליאָב, זיין עלטערער ברודער, געהערט ווי ער רעדט צו די מענטשן, און דער צאָרן פון אֶליאָבן האָט געגרימט אויף דודן, און ער האָט געזאָגט: צוואָס גאָר האָסטו אַראָפּגענידערט, און אויף וועמען האָסטו איבערגעלאָזט יענע ביסל שאָף אין מדבר? איך קען דיין מוטוויליקייט, און די שלעכטיקייט פון דיין האַרצן, אַז כּדי צוצוקוקן די מלחמה האָסטו אַראָפּגענידערט. 29 האָט דוד געזאָגט: וואָס האָב איך אַצונד געטאָן? עס איז דאָך נאָר אַ גערייד.

30 און ער האָט זיך אָפּגעדרייט פון אים צו אַן אַנדערן, און האָט געפרעגט די אייגענע זאַך, און דאָס פאָלק האָט אים געענטפערט אַזוי ווי דאָס פריערדיקע גערייד.

31 זיינען געהערט געוואָרן די ווערטער וואָס דוד האָט גערעדט, און מע האָט דערציילט פאַר שָאולן, און ער האָט אים געלאָזט ברענגען צו זיך. 32 און דוד האָט געזאָגט צו שָאולן: זאָל קיין מענטשנס האַרץ ניט אַראָפּפאַלן איבער אים; דיין קנעכט וועט גיין, און וועט מלחמה האַלטן מיט דעמדאָזיקן פּלשתּי. 33 האָט שָאול געזאָגט צו דודן: קענסט ניט גיין אויף דעמדאָזיקן פּלשתּי, מלחמה צו האַלטן מיט אים, וואָרום דו ביסט אַ יינגל, און ער איז אַ מאַן פון מלחמה פון זיין יוגנט אָן. 34 האָט דוד געזאָגט צו שָאולן: דיין קנעכט איז געווען אַ פּאַסטוך פאַר זיין פאָטער ביי די שאָף, און אַז אַ לייב איז געקומען, אָדער אַ בער, און האָט אַוועקגעטראָגן אַ שעפּס פון דער סטאַדע, 35 בין איך אַרויסגעגאַנגען נאָך אים, און האָב אים געשלאָגן, און האָב אַרויסגעריסן פון זיין מויל; און אַז ער האָט זיך געשטעלט אַקעגן מיר, האָב איך אים אָנגענומען ביים באָרד, און האָב אים געשלאָגן און אים געטייט. 36 אי דעם לייב אי דעם בער האָט דיין קנעכט דער־שלאָגן; און דערדאָזיקער אומבאַשניטענער פּלשתּי וועט זיין ווי איינער פון זיי, ווייל ער האָט געלעסטערט די רייען פון דעם לעבעדיקן גאָט.

37 און דוד האָט געזאָגט: גאָט וואָס האָט מיך מציל געווען פֿון דער האַנט פֿון לייב, און פֿון דער האַנט פֿון בער, ער וועט מיך מציל זיין פֿון דער האַנט פֿון דעם־דאָזיקן פּלשתּי. האָט שאָול געזאָגט צו דודן: גיי, און זאָל גאָט זיין מיט דיר.

38 און שאָול האָט אָנגעטאָן דודן זיינע קליידער, און ער האָט אַרויפֿגעטאָן אַ קופּערנעם קיווער אויף זיין קאָפּ, און אים אָנגעטאָן אַ פּאַנצער. 39 און דוד האָט אָנגעגורט זיין שווערד איבער זיינע קליידער, און זיך געמאַטערט צו גיין, ווייל ער איז ניט געווען צוגעוווינט. האָט דוד געזאָגט צו שאָולן: איך קען ניט גיין אין די־דאָזיקע, ווייל איך בין ניט צוגעוווינט. און דוד האָט זיי אויסגעטאָן פֿון זיך. 40 און ער האָט גענומען זיין שטעקן אין זיין האַנט, און האָט זיך אויסגעקליבן פֿינף גלאַטע שטיינער פֿון דעם באַך, און אַריינגעטאָן אין דעם פּאַסטוכזעקל וואָס ער האָט געהאַט, אין דעם בייטל; און זיין שליידערער איז געווען אין זיין האַנט; און ער האָט גענענט צו דעם פּלשתּי.

41 און דער פּלשתּי איז געגאַנגען אַלץ נענטער צו דודן, און דער מאַן וואָס טראָגט דעם שילד, אים פֿאַרויס. 42 און דער פּלשתּי האָט אַ קוק געטאָן און האָט דערזען דודן, און האָט אים פֿאַראַכט, וואָרום ער איז געווען אַ יינגל, און גערויטלט, אויך שיין אויפֿן פּנים. 43 און דער פּלשתּי האָט געזאָגט צו דודן: צי אַ הונט בין איך, וואָס דו קומסט צו מיר מיט שטעקנס? און דער פּלשתּי האָט געשאָלטן דודן בײַ זיין גאָט. 44 און דער פּלשתּי האָט געזאָגט צו דודן: קום צו מיר, און איך וועל געבן דיין פֿלייש צום פֿויגל פֿון הימל און צו דער חיה פֿון פֿעלד. 45 האָט דוד געזאָגט צו דעם פּלשתּי: דו קומסט צו מיר מיט אַ שווערד און מיט אַ שפּיז און מיט אַ פּיקע, און איך קום צו דיר אין דעם נאָמען פֿון יהוה פֿון צבֿאות, דעם גאָט פֿון די רייען פֿון ישׂראל וואָס דו האָסט געלעסטערט. 46 היינטיקן טאָג וועט דיך יהוה איבערענטפֿערן אין מיין האַנט, און איך וועל דיך דערשלאָגן, און וועל אַראָפּנעמען דיין קאָפּ פֿון דיר; און איך וועל געבן די פּגרים פֿון דער מחנה פֿון די פּלשתּים היינטיקן טאָג צום פֿויגל פֿון הימל און צו דער חיה פֿון דער ערד; און די גאַנצע ערד וועט וויסן, אַז פֿאַראַן אַ גאָט בײַ ישׂראל. 47 און די־דאָזיקע גאַנצע איינזאַמלונג וועט וויסן, אַז ניט מיט אַ שווערד און מיט אַ שפּיז העלפֿט יהוה; וואָרום די מלחמה איז יהוהס, און ער וועט אײַך געבן אין אונדזער האַנט.

48 און עס איז געווען, ווי דער פּלשתּי איז אויפֿגעשטאַנען און איז געגאַנגען און האָט גענענט אַנטקעגן דודן, אַזוי האָט דוד געאײַלט, און איז געלאָפֿן צום שלאַכטפֿעלד אַנטקעגן דעם פּלשתּי. 49 און דוד האָט אַריינגעשטעקט זיין האַנט אין זעקל, און האָט אַרויסגענומען פֿון דאָרטן אַ שטיין, און אַ שליידער געטאָן, און געטראָפֿן דעם פּלשתּי אין זיין שטערן. און דער שטיין איז אַריינגעזונקען אין זיין שטערן, און ער איז געפֿאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד.

לז מַעַרְכֹת אֱלֹהִים חַיִּים׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד יְהוָה אֲשֶׁר הִצִּלַנִי
מִיַּד הָאֲרִי וּמִיַּד הַדֹּב הוּא יַצִּילֵנִי מִיַּד הַפְּלִשְׁתִּי הַזֶּה
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דָּוִד לֵךְ וַיהוָה יִהְיֶה עִמָּךְ׃
לח וַיַּלְבֵּשׁ שָׁאוּל אֶת־דָּוִד מַדָּיו וְנָתַן קוֹבַע נְחֹשֶׁת עַל־רֹאשׁוֹ
לט וַיַּלְבֵּשׁ אֹתוֹ שִׁרְיוֹן׃ וַיַּחְגֹּר דָּוִד אֶת־חַרְבּוֹ מֵעַל לְמַדָּיו
וַיֹּאֶל לָלֶכֶת כִּי לֹא־נִסָּה וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־שָׁאוּל לֹא אוּכַל
מ לָלֶכֶת בָּאֵלֶּה כִּי לֹא נִסִּיתִי וַיְסִרֵם דָּוִד מֵעָלָיו׃ וַיִּקַּח
מַקְלוֹ בְּיָדוֹ וַיִּבְחַר־לוֹ חֲמִשָּׁה חַלֻּקֵי אֲבָנִים ׀ מִן־הַנַּחַל
וַיָּשֶׂם אֹתָם בִּכְלִי הָרֹעִים אֲשֶׁר־לוֹ וּבַיַּלְקוּט וְקַלְעוֹ בְיָדוֹ
מא וַיִּגַּשׁ אֶל־הַפְּלִשְׁתִּי׃ וַיֵּלֶךְ הַפְּלִשְׁתִּי הֹלֵךְ וְקָרֵב אֶל־דָּוִד
מב וְהָאִישׁ נֹשֵׂא הַצִּנָּה לְפָנָיו׃ וַיַּבֵּט הַפְּלִשְׁתִּי וַיִּרְאֶה אֶת־
דָּוִד וַיִּבְזֵהוּ כִּי־הָיָה נַעַר וְאַדְמֹנִי עִם־יְפֵה מַרְאֶה׃
מג וַיֹּאמֶר הַפְּלִשְׁתִּי אֶל־דָּוִד הֲכֶלֶב אָנֹכִי כִּי־אַתָּה בָא־אֵלַי
מד בַּמַּקְלוֹת וַיְקַלֵּל הַפְּלִשְׁתִּי אֶת־דָּוִד בֵּאלֹהָיו׃ וַיֹּאמֶר
הַפְּלִשְׁתִּי אֶל־דָּוִד לְכָה אֵלַי וְאֶתְּנָה אֶת־בְּשָׂרְךָ לְעוֹף
מה הַשָּׁמַיִם וּלְבֶהֱמַת הַשָּׂדֶה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַפְּלִשְׁתִּי
אַתָּה בָּא אֵלַי בְּחֶרֶב וּבַחֲנִית וּבְכִידוֹן וְאָנֹכִי בָא־אֵלֶיךָ
בְּשֵׁם יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהֵי מַעַרְכוֹת יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר חֵרַפְתָּ׃
מו הַיּוֹם הַזֶּה יְסַגֶּרְךָ יְהוָה בְּיָדִי וְהִכִּיתִךָ וַהֲסִרֹתִי אֶת־
רֹאשְׁךָ מֵעָלֶיךָ וְנָתַתִּי פֶּגֶר מַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים הַיּוֹם הַזֶּה
לְעוֹף הַשָּׁמַיִם וּלְחַיַּת הָאָרֶץ וְיֵדְעוּ כָּל־הָאָרֶץ כִּי יֵשׁ
מז אֱלֹהִים לְיִשְׂרָאֵל׃ וְיֵדְעוּ כָּל־הַקָּהָל הַזֶּה כִּי־לֹא בְּחֶרֶב
וּבַחֲנִית יְהוֹשִׁיעַ יְהוָה כִּי לַיהוָה הַמִּלְחָמָה וְנָתַן אֶתְכֶם
מח בְּיָדֵנוּ׃ וְהָיָה כִּי־קָם הַפְּלִשְׁתִּי וַיֵּלֶךְ וַיִּקְרַב לִקְרַאת דָּוִד
מט וַיְמַהֵר דָּוִד וַיָּרָץ הַמַּעֲרָכָה לִקְרַאת הַפְּלִשְׁתִּי׃ וַיִּשְׁלַח
דָּוִד אֶת־יָדוֹ אֶל־הַכֶּלִי וַיִּקַּח מִשָּׁם אֶבֶן וַיְקַלַּע וַיַּךְ אֶת־
הַפְּלִשְׁתִּי אֶל־מִצְחוֹ וַתִּטְבַּע הָאֶבֶן בְּמִצְחוֹ וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו

לז׳ פסקא באמצע פסוק   מה׳ פתח בס״פ

נ אַרְצָה׃ וַיֶּחֱזַק דָּוִד מִן־הַפְּלִשְׁתִּי בַּקֶּלַע וּבָאֶבֶן וַיַּךְ אֶת־
נא הַפְּלִשְׁתִּי וַיְמִיתֵהוּ וְחֶרֶב אֵין בְּיַד־דָּוִד׃ וַיָּרָץ דָּוִד וַיַּעֲמֹד
אֶל־הַפְּלִשְׁתִּי וַיִּקַּח אֶת־חַרְבּוֹ וַיִּשְׁלְפָהּ מִתַּעְרָהּ וַיְמֹתְתֵהוּ
וַיִּכְרָת־בָּהּ אֶת־רֹאשׁוֹ וַיִּרְאוּ הַפְּלִשְׁתִּים כִּי־מֵת גִּבּוֹרָם
נב וַיָּנֻסוּ׃ וַיָּקֻמוּ אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה וַיָּרִעוּ וַיִּרְדְּפוּ אֶת־
הַפְּלִשְׁתִּים עַד־בּוֹאֲךָ גַיְא וְעַד שַׁעֲרֵי עֶקְרוֹן וַיִּפְּלוּ חַלְלֵי
נג פְלִשְׁתִּים בְּדֶרֶךְ שַׁעֲרַיִם וְעַד־גַּת וְעַד־עֶקְרוֹן׃ וַיָּשֻׁבוּ
בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִדְּלֹק אַחֲרֵי פְלִשְׁתִּים וַיָּשֹׁסּוּ אֶת־מַחֲנֵיהֶם׃
נד וַיִּקַּח דָּוִד אֶת־רֹאשׁ הַפְּלִשְׁתִּי וַיְבִאֵהוּ יְרוּשָׁלָםִ וְאֶת־
נה כֵּלָיו שָׂם בְּאָהֳלוֹ׃ וְכִרְאוֹת שָׁאוּל אֶת־דָּוִד יֹצֵא
לִקְרַאת הַפְּלִשְׁתִּי אָמַר אֶל־אַבְנֵר שַׂר הַצָּבָא בֶּן־
מִי־זֶה הַנַּעַר אַבְנֵר וַיֹּאמֶר אַבְנֵר חֵי־נַפְשְׁךָ הַמֶּלֶךְ אִם־
נו יָדָעְתִּי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ שְׁאַל אַתָּה בֶּן־מִי־זֶה הָעָלֶם׃
נז וּכְשׁוּב דָּוִד מֵהַכּוֹת אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַיִּקַּח אֹתוֹ אַבְנֵר
נח וַיְבִאֵהוּ לִפְנֵי שָׁאוּל וְרֹאשׁ הַפְּלִשְׁתִּי בְּיָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו
שָׁאוּל בֶּן־מִי אַתָּה הַנָּעַר וַיֹּאמֶר דָּוִד בֶּן־עַבְדְּךָ יִשַׁי
בֵּית הַלַּחְמִי׃

## יח

א וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ לְדַבֵּר אֶל־שָׁאוּל וְנֶפֶשׁ יְהוֹנָתָן נִקְשְׁרָה
ב בְּנֶפֶשׁ דָּוִד וַיֶּאֱהָבוֹ יְהוֹנָתָן כְּנַפְשׁוֹ׃ וַיִּקָּחֵהוּ שָׁאוּל בַּיּוֹם
ג הַהוּא וְלֹא נְתָנוֹ לָשׁוּב בֵּית אָבִיו׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹנָתָן וְדָוִד
ד בְּרִית בְּאַהֲבָתוֹ אֹתוֹ כְּנַפְשׁוֹ׃ וַיִּתְפַּשֵּׁט יְהוֹנָתָן אֶת־הַמְּעִיל
אֲשֶׁר עָלָיו וַיִּתְּנֵהוּ לְדָוִד וּמַדָּיו וְעַד־חַרְבּוֹ וְעַד־קַשְׁתּוֹ וְעַד־
ה חֲגֹרוֹ׃ וַיֵּצֵא דָוִד בְּכֹל אֲשֶׁר יִשְׁלָחֶנּוּ שָׁאוּל יַשְׂכִּיל וַיְשִׂמֵהוּ
שָׁאוּל עַל אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה וַיִּיטַב בְּעֵינֵי כָל־הָעָם וְגַם
ו בְּעֵינֵי עַבְדֵי שָׁאוּל׃ וַיְהִי בְּבוֹאָם בְּשׁוּב דָּוִד מֵהַכּוֹת
אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַתֵּצֶאנָה הַנָּשִׁים מִכָּל־עָרֵי יִשְׂרָאֵל לָשׁוּר

יח, א׳ ויאהבהו קרי   ו׳ לשיר קרי

50 אַזוי האָט דוד איבערגעשטאַרקט דעם פּלשתּי מיט אַ שלײַדערער און מיט אַ שטיין, און געטראָפֿן דעם פּלשתּי, און אים געטייט; און קיין שווערד איז ניט געווען אין דודס האַנט.

51 און דוד איז צוגעלאָפֿן, און האָט זיך געשטעלט איבער דעם פּלשתּי, און האָט אָנגענומען זיין שווערד, און זי אַרויסגעצויגן פֿון איר שייד, און אים געטייט; און ער האָט אָפּגעשניטן מיט איר זיין קאָפּ.

און די פּלשתּים האָבן געזען, אַז זייער גיבור איז טויט, און זיי זיינען אַנטלאָפֿן. 52 און די מענער פֿון ישׂראל און יהודה זיינען אויפֿגעשטאַנען און האָבן געשאַלט, און נאָכגעיאָגט די פּלשתּים ביז דו קומסט קיין גַי, און ביז די טויערן פֿון עֶקרון. און עס זיינען געפֿאַלן דערשלאָגענע פֿון די פּלשתּים אויף דעם וועג פֿון שַׁעֲרַיִם, און ביז גַת, און ביז עֶקרון. 53 און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן זיך אומגעקערט פֿון נאָכיאָגן די פּלשתּים, און זיי האָבן אויסגערויבט זייער לאַגער.

54 און דוד האָט גענומען דעם קאָפּ פֿון דעם פּלשתּי, און האָט אים געבראַכט קיין ירושָלַיִם, און זיינע וואַפֿן האָט ער אַהינגעטאָן אין זיין געצעלט.

55 און אַז שָאול האָט געזען דודן אַרויסגיין אַקעגן דעם פּלשתּי, האָט ער געזאָגט צו אַבנֵר דעם חיל־פֿירער: וועמעס זון איז דערדאָזיקער בָחור, אַבנֵר? האָט אַבנֵר געזאָגט: אַזוי ווי דיין זעל לעבט, מלך, אויב איך ווייס! 56 האָט דער מלך געזאָגט פֿרעג דו זיך נאָך וועמעס זון דער יונג איז.

57 און ווי דוד האָט זיך אומגעקערט פֿון שלאָגן דעם פּלשתּי, אַזוי האָט אים אַבנֵר גענומען, און האָט אים געבראַכט פֿאַר שָאולן, מיט דעם קאָפּ פֿון דעם פּלשתּי אין זיין האַנט. 58 האָט שָאול צו אים געזאָגט: וועמעס זון ביסטו, בָחור? האָט דוד געזאָגט: דער זון פֿון דיין קנעכט יִשַׁין פֿון בֵית־לֶחֶם.

יח 1 און עס איז געווען, ווי ער האָט געענדיקט רעדן צו שָאולן, אַזוי איז די זעל פֿון יהונָתָנען צוגעבונדן געוואָרן צו דער זעל פֿון דודן, און יהונָתָן האָט אים ליב געקריגן אַזוי ווי זיין אייגן זעל. 2 און שָאול האָט אים צוגענומען אין יענעם טאָג, און האָט אים ניט געלאָזט זיך אומקערן צו זיין פֿאָטערס הויז. 3 און יהונָתָן האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דודן, ווייל ער האָט אים ליב געהאַט אַזוי ווי זיין אייגן זעל. 4 און יהונָתָן האָט אויסגעטאָן דעם מאַנטל וואָס אויף זיך, און האָט אים געשאָנקען דודן; אויך זיינע קליידער, ביז אויף זיין שווערד, און ביז אויף זיין בויגן, און ביז אויף זיין גאַרטל.

5 און אַז דוד איז אַרויסגעגאַנגען, איז, ווו נאָר שָאול פֿלעגט אים שיקן, פֿלעגט ער באַגליקן. און שָאול האָט אים אויפֿגעזעצט איבער די מלחמה־לייט; און ער איז וווילגעפֿעלן אין די אויגן פֿון גאַנצן פֿאָלק, און אויך אין די אויגן פֿון שָאולס קנעכט.

6 און עס איז געווען, ביי זייער אָנקומען, אַז דוד האָט זיך אומגעקערט פֿון שלאָגן דעם פּלשתּי, זיינען אַרויסגעגאַנגען די ווייבער פֿון אַלע שטעט פֿון ישׂראל מיט געזאַנג און טענץ אַנטקעגן דעם מלך שָאולן, מיט פּויקן, מיט שׂמחה, און

וְהַמְחֹלוֹת לִקְרַאת שָׁאוּל הַמֶּלֶךְ בְּתֻפִּים בְּשִׂמְחָה
ז וּבְשָׁלִשִׁים׃ וַתַּעֲנֶינָה הַנָּשִׁים הַמְשַׂחֲקוֹת וַתֹּאמַרְןָ הִכָּה
ח שָׁאוּל בַּאֲלָפוֹ וְדָוִד בְּרִבְבֹתָיו׃ וַיִּחַר לְשָׁאוּל מְאֹד וַיֵּרַע
בְּעֵינָיו הַדָּבָר הַזֶּה וַיֹּאמֶר נָתְנוּ לְדָוִד רְבָבוֹת וְלִי נָתְנוּ
ט הָאֲלָפִים וְעוֹד לוֹ אַךְ הַמְּלוּכָה׃ וַיְהִי שָׁאוּל עוֹן אֶת־דָּוִד
י מֵהַיּוֹם הַהוּא וָהָלְאָה׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַתִּצְלַח רוּחַ
אֱלֹהִים ׀ רָעָה ׀ אֶל־שָׁאוּל וַיִּתְנַבֵּא בְתוֹךְ־הַבַּיִת וְדָוִד מְנַגֵּן
יא בְּיָדוֹ כְּיוֹם ׀ בְּיוֹם וְהַחֲנִית בְּיַד־שָׁאוּל׃ וַיָּטֶל שָׁאוּל אֶת־
הַחֲנִית וַיֹּאמֶר אַכֶּה בְדָוִד וּבַקִּיר וַיִּסֹּב דָּוִד מִפָּנָיו פַּעֲמָיִם׃
יב וַיִּרָא שָׁאוּל מִלִּפְנֵי דָוִד כִּי־הָיָה יְהוָה עִמּוֹ וּמֵעִם שָׁאוּל
יג סָר׃ וַיְסִרֵהוּ שָׁאוּל מֵעִמּוֹ וַיְשִׂמֵהוּ לוֹ שַׂר־אָלֶף וַיֵּצֵא וַיָּבֹא
יד לִפְנֵי הָעָם׃ וַיְהִי דָוִד לְכָל־דְּרָכָו מַשְׂכִּיל וַיהוָה
טו עִמּוֹ׃ וַיַּרְא שָׁאוּל אֲשֶׁר־הוּא מַשְׂכִּיל מְאֹד וַיָּגָר מִפָּנָיו׃
טז וְכָל־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה אֹהֵב אֶת־דָּוִד כִּי־הוּא יוֹצֵא וָבָא
יז לִפְנֵיהֶם׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דָּוִד הִנֵּה בִתִּי הַגְּדוֹלָה
מֵרַב אֹתָהּ אֶתֶּן־לְךָ לְאִשָּׁה אַךְ הֱיֵה־לִּי לְבֶן־חַיִל וְהִלָּחֵם
מִלְחֲמוֹת יְהוָה וְשָׁאוּל אָמַר אַל־תְּהִי יָדִי בּוֹ וּתְהִי־בוֹ יַד־
יח פְלִשְׁתִּים׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־שָׁאוּל מִי אָנֹכִי וּמִי חַיַּי מִשְׁפַּחַת
יט אָבִי בְּיִשְׂרָאֵל כִּי־אֶהְיֶה חָתָן לַמֶּלֶךְ׃ וַיְהִי בְּעֵת תֵּת אֶת־
מֵרַב בַּת־שָׁאוּל לְדָוִד וְהִיא נִתְּנָה לְעַדְרִיאֵל הַמְּחֹלָתִי
כ לְאִשָּׁה׃ וַתֶּאֱהַב מִיכַל בַּת־שָׁאוּל אֶת־דָּוִד וַיַּגִּדוּ לְשָׁאוּל
כא וַיִּשַׁר הַדָּבָר בְּעֵינָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶתְּנֶנָּה לּוֹ וּתְהִי־לוֹ
לְמוֹקֵשׁ וּתְהִי־בוֹ יַד־פְּלִשְׁתִּים וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דָּוִד
כב בִּשְׁתַּיִם תִּתְחַתֵּן בִּי הַיּוֹם׃ וַיְצַו שָׁאוּל אֶת־עֲבָדָו דַּבְּרוּ
אֶל־דָּוִד בַּלָּט לֵאמֹר הִנֵּה חָפֵץ בְּךָ הַמֶּלֶךְ וְכָל־עֲבָדָיו
כג אֲהֵבוּךָ וְעַתָּה הִתְחַתֵּן בַּמֶּלֶךְ׃ וַיְדַבְּרוּ עַבְדֵי שָׁאוּל בְּאָזְנֵי
דָּוִד אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיֹּאמֶר דָּוִד הֲנַקַלָּה בְעֵינֵיכֶם

ז׳ באלפיו קרי  ט׳ עוין קרי  יד׳ דרכיו קרי  כב׳ עבדיו קרי

מיט צימבלען. [7] און די ווייבער די שפּילערינס האָבן געזונגען און געזאָגט:

שאָול האָט געשלאָגן אין זיינע טויזנטן,

און דוד אין זיינע צענטויזנטן.

[8] האָט שאָולן זייער געברענט, און דאָסדאָזיקע גערייד איז געווען שלעכט אין זיינע אויגן, און ער האָט געזאָגט: דודן האָבן זיי געגעבן די צענטויזנטן, און מיר האָבן זיי געגעבן די טויזנטן, און אים פעלט נאָך בלויז די מלוכה. [9] און שאָול האָט געקוקט קרום אויף דודן פון יענעם טאָג און ווייטער.

[10] און עס איז געווען אויף מאָרגן, איז אַ בייזער גייסט פון גאָט געקומען אויף שאָולן, און ער האָט אין הויז גע־רעדט פון זינען, און דוד האָט געשפּילט מיט זיין האַנט אַזוי ווי טאָג אין טאָג, און אין שאָולס האַנט איז געווען דער שפּיז. [11] האָט שאָול אַ וואָרף געטאָן דעם שפּיז, און ער האָט געקלערט: איך וועל דורכשטעכן דודן ביז אין וואַנט. אָבער דוד האָט זיך אָפּגעדרייט פון אים צוויי מאָל.

[12] און שאָול האָט מורא געהאַט פאַר דודן, וואָרום גאָט איז געווען מיט אים, און פון שאָולן האָט ער זיך אָפּ־געטאָן. [13] און שאָול האָט אים אָפּגעטאָן פון זיך, און אים געמאַכט פאַר אַ הויפּטמאַן פון טויזנט, און ער איז גע־גאַנגען און געקומען דעם פאָלק פאַרויס. [14] און דוד האָט באַגליקט אין אַלע זיינע וועגן, און גאָט איז געווען מיט אים. [15] און שאָול האָט געזען אַז ער באַגליקט זייער, און ער האָט זיך געשראָקן פאַר אים. [16] אָבער גאַנץ ישׂראל און יהודה האָט ליב געהאַט דודן, וואָרום ער פלעגט גיין און קומען זיי פאַרויס.

[17] און שאָול האָט געזאָגט צו דודן: אָט איז מיין עלטערע טאָכטער מֵרַב; זי וועל איך דיר געבן פאַר אַ ווייב, אָבער זיי מיר אַ העלדישער יונג, און פיר די מלחמות פון גאָט. וואָרום שאָול האָט געקלערט: זאָל ניט מיין האַנט זיין אויף אים, נייערט די האַנט פון די פּלשתּים זאָל זיין אויף אים. [18] האָט דוד געזאָגט צו שאָולן: ווער בין איך? און וואָס איז מיין לעבן, אָדער מיין פאָטערס משפּחה אין ישׂראל, אַז איך זאָל ווערן אַן איידים ביים מלך?

[19] אָבער עס איז געווען, בעת מע האָט געזאָלט געבן מֵרַב די טאָכטער פון שאָולן צו דודן, איז זי אַוועקגעגעבן געוואָרן צו עַדריאֵלן פון מחוֹלָה פאַר אַ ווייב.

[20] און מיכל די טאָכטער פון שאָולן האָט ליב געהאַט דודן; האָט מען דערציילט שאָולן, און די זאַך איז ווילגע־פעלן אין זיינע אויגן. [21] און שאָול האָט געקלערט: איך וועל זי אים געבן, כּדי זי זאָל אים זיין פאַר אַ שטרויכלונג, און די האַנט פון די פּלשתּים זאָל זיין אויף אים. און שאָול האָט געזאָגט צו דודן: וועסט היינט ווערן מיין איידים מיט דער צווייטער.

[22] און שאָול האָט באַפוילן זיינע קנעכט: רעדט צו דודן שטילערהייט, אַזוי צו זאָגן: זע, דער מלך וויל דיך, און אַלע זיינע קנעכט האָבן דיך ליב, טאָ ווער אַצונד דעם מלכס איידים.

[23] האָבן שאָולס קנעכט גערעדט אין די אויערן פון דודן די־דאָזיקע ווערטער. און דוד האָט געזאָגט: גרינג אין אייערע

הִתְחַתֵּן בַּמֶּלֶךְ וְאָנֹכִי אִישׁ־רָשׁ וְנִקְלֶה׃ וַיַּגִּדוּ עַבְדֵי כד
שָׁאוּל לוֹ לֵאמֹר כַּדְּבָרִים הָאֵלֶּה דִּבֶּר דָּוִד׃
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל כֹּה־תֹאמְרוּ לְדָוִד אֵין־חֵפֶץ לַמֶּלֶךְ בְּמֹהַר כה
כִּי בְּמֵאָה עָרְלוֹת פְּלִשְׁתִּים לְהִנָּקֵם בְּאֹיְבֵי הַמֶּלֶךְ וְשָׁאוּל
חָשַׁב לְהַפִּיל אֶת־דָּוִד בְּיַד־פְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּגִּדוּ עֲבָדָיו לְדָוִד כו
אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיִּשַׁר הַדָּבָר בְּעֵינֵי דָוִד לְהִתְחַתֵּן
בַּמֶּלֶךְ וְלֹא־מָלְאוּ הַיָּמִים׃ וַיָּקָם דָּוִד וַיֵּלֶךְ ׀ הוּא וַאֲנָשָׁיו כז
וַיַּךְ בַּפְּלִשְׁתִּים מָאתַיִם אִישׁ וַיָּבֵא דָוִד אֶת־עָרְלֹתֵיהֶם
וַיְמַלְאוּם לַמֶּלֶךְ לְהִתְחַתֵּן בַּמֶּלֶךְ וַיִּתֶּן־לוֹ שָׁאוּל אֶת־מִיכַל
בִּתּוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיַּרְא שָׁאוּל וַיֵּדַע כִּי יְהוָה עִם־דָּוִד וּמִיכַל כח
בַּת־שָׁאוּל אֲהֵבַתְהוּ׃ וַיֹּאסֶף שָׁאוּל לֵרֹא מִפְּנֵי דָוִד עוֹד כט
וַיְהִי שָׁאוּל אֹיֵב אֶת־דָּוִד כָּל־הַיָּמִים׃ וַיֵּצְאוּ שָׂרֵי ל
פְלִשְׁתִּים וַיְהִי ׀ מִדֵּי צֵאתָם שָׂכַל דָּוִד מִכֹּל עַבְדֵי שָׁאוּל
וַיִּיקַר שְׁמוֹ מְאֹד׃

יט

וַיְדַבֵּר שָׁאוּל אֶל־יוֹנָתָן בְּנוֹ וְאֶל־כָּל־עֲבָדָיו לְהָמִית אֶת־ א
דָּוִד וִיהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל חָפֵץ בְּדָוִד מְאֹד׃ וַיַּגֵּד יְהוֹנָתָן ב
לְדָוִד לֵאמֹר מְבַקֵּשׁ שָׁאוּל אָבִי לַהֲמִיתֶךָ וְעַתָּה הִשָּׁמֶר־
נָא בַבֹּקֶר וְיָשַׁבְתָּ בַסֵּתֶר וְנַחְבֵּאתָ׃ וַאֲנִי אֵצֵא וְעָמַדְתִּי ג
לְיַד־אָבִי בַּשָּׂדֶה אֲשֶׁר אַתָּה שָׁם וַאֲנִי אֲדַבֵּר בְּךָ אֶל־אָבִי
וְרָאִיתִי מָה וְהִגַּדְתִּי לָךְ׃ וַיְדַבֵּר יְהוֹנָתָן בְּדָוִד טוֹב ד
אֶל־שָׁאוּל אָבִיו וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַל־יֶחֱטָא הַמֶּלֶךְ בְּעַבְדּוֹ
בְדָוִד כִּי לוֹא חָטָא לָךְ וְכִי מַעֲשָׂיו טוֹב־לְךָ מְאֹד׃ וַיָּשֶׂם ה
אֶת־נַפְשׁוֹ בְכַפּוֹ וַיַּךְ אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַיַּעַשׂ יְהוָה תְּשׁוּעָה
גְדוֹלָה לְכָל־יִשְׂרָאֵל רָאִיתָ וַתִּשְׂמָח וְלָמָּה תֶחֱטָא בְּדָם
נָקִי לְהָמִית אֶת־דָּוִד חִנָּם׃ וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל בְּקוֹל יְהוֹנָתָן ו
וַיִּשָּׁבַע שָׁאוּל חַי־יְהוָה אִם־יוּמָת׃ וַיִּקְרָא יְהוֹנָתָן לְדָוִד ז

יח, כח´ פתח בס״פ   כט´ ויוסף קי׳

אויגן צו ווערן דעם מלכס איידים, אַז איך בין אַן אָרימאַן און גרינגגעשאַצט?

²⁴ האָבן די קנעכט פון שָאולן אים דערציילט, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי דידאָזיקע ווערטער האָט דוד גערעדט. ²⁵ האָט שָאול געזאָגט: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו דודן: דער מלך וויל ניט קיין נדן, נייערט הונדערט פאָרהויטן פון די פּלשתּים, זיך נוקם צו זיין אָן דעם מלכס פיינט. און שָאול האָט גערעכנט צו מאַכן פאַלן דודן דורך דער האַנט פון די פּלשתּים.

²⁶ האָבן זיינע קנעכט דערציילט דודן דידאָזיקע ווערטער, און די זאַך איז ווילגעפעלן אין די אויגן פון דודן, צו ווערן דעם מלכס איידים. און די טעג זיינען נאָך צומאָל ניט דערפילט געוואָרן, ²⁷ איז דוד אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגעגאַנגען, ער מיט זיינע מענטשן, און ער האָט געשלאָגן פון די פּלשתּים צוויי הונדערט מאַן. און דוד האָט געבראַכט זייערע פאָרהויטן, און מע האָט זיי איבער־געגעבן פאַרפול צום מלך, כדי ער זאָל ווערן דעם מלכס איידים. און שָאול האָט אים געגעבן זיין טאָכטער מיכלען פאַר אַ ווייב.

²⁸ און שָאול האָט געזען און פאַרשטאַנען אַז גאָט איז מיט דודן; און מיכל די טאָכטער פון שָאולן האָט אים ליב געהאַט. ²⁹ און שָאול האָט נאָך מער מורא געקריגן פאַר דודן. און שָאול איז געווען דודן אַ שונא אַלע טעג.

³⁰ און די האַרן פון די פּלשתּים פלעגן אַרויסגיין; און עס איז געווען, ווען נאָר זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען, האָט דוד באַגליקט מער פון אַלע קנעכט פון שָאולן, און זיין נאָמען איז געווען זייער געאַכט.

# יט

¹ און שָאול האָט גערעדט צו יוֹנָתָן זיין זון און צו אַלע זיינע קנעכט, צו טייטן דודן; אָבער יהוֹנָתָן דער זון פון שָאולן האָט זייער געגאַרט דודן. ² און יהוֹנָתָן האָט דערציילט דודן, אַזוי צו זאָגן: מיין פאָטער שָאול זוכט דיך צו טייטן. און אַצונד, איך בעט דיך, זיי אָפּגעהיט אין דער פרי, און זאָלסט זיצן אין פאַרבאָרגעניש און זיך באַהאַלטן. ³ און איך וועל אַרויסגיין, און וועל שטיין לעבן מיין פאָטער אויף דעם פעלד וואָס דו ביסט דאָרטן. און איך וועל רעדן וועגן דיר צו מיין פאָטער, און אַז איך וועל וואָס מערקן, וועל איך דיר זאָגן.

⁴ און יהוֹנָתָן האָט גערעדט גוטס אויף דודן צו זיין פאָטער שָאולן, און ער האָט צו אים געזאָגט: זאָל דער מלך ניט זינדיקן אַקעגן זיין קנעכט, אַקעגן דודן, ווייל ער האָט אַקעגן דיר ניט געזינדיקט, און ווייל זיינע טוּונגען זיינען גע־ווען זייער גוט פאַר דיר. ⁵ און ער האָט גענומען זיין לעבן אין זיין האַנט, און האָט געשלאָגן דעם פּלשתּי, און גאָט האָט געטאָן אַ גרויסע ישועה פאַר גאַנץ ישׂראל; האָסט עס געזען, און האָסט זיך געפרייט. און פאַרוואָס זאָלסטו זיך פאַר־זינדיקן אָן אומשולדיקן בלוט, צו טייטן דודן אומזיסט?

⁶ האָט שָאול צוגעהערט צו דעם קָול פון יהוֹנָתָנען, און שָאול האָט געשוואָרן: אַזוי ווי גאָט לעבט, אויב ער וועט גע־טייט ווערן!

[7] און יהונָתָן האָט גערופֿן דודן, און יהונָתָן האָט אים דערציילט אַלע דיזאָזיקע ווערטער. און יהונָתָן האָט געבראַכט דודן צו שָאולן, און ער איז געווען פֿאַר אים אַזוי ווי נעכטן־אייערנעכטן.

[8] איז ווידער געוואָרן אַ מלחמה, און דוד איז אַרויס־געגאַנגען, און האָט מלחמה געהאַלטן אַקעגן די פּלשתּים, און ער האָט געשלאָגן צווישן זיי אַ גרויסן שלאַק, און זיי זיינען אַנטלאָפֿן פֿאַר אים.

[9] און אַ בייזער גייסט פֿון גאָט איז געקומען אויף שָאולן בעת ער איז געזעסן אין זיין הויז מיט זיין שפּיז אין זיין האַנט; און דוד האָט געשפּילט מיט דער האַנט. [10] האָט שָאול געזוכט דורכצושטעכן דודן מיטן שפּיז ביז אין וואַנט, אָבער ער האָט זיך אַרויסגעמאַכט פֿון שָאולן, און ער האָט אַריינגעשטאָכן דעם שפּיז אין וואַנט. און דוד איז אַנטלאָפֿן און איז אַנטרונען געוואָרן אין יענער נאַכט.

[11] האָט שָאול געשיקט שלוחים צו דודס הויז, אים צו היטן, און אים צו טייטן אין דער פֿרי. אָבער זיין ווייב מיכל האָט אָנגעזאָגט דודן, אַזוי צו זאָגן: אויב דו ראַטע־ווּעסט ניט דיין נפֿש די נאַכט, וועסטו מאָרגן געטייט.

[12] און מיכל האָט אַראָפּגעלאָזט דודן דורכן פֿענצ־טער, און ער איז אַוועק און איז אַנטלאָפֿן און אַנטרונען געוואָרן. [13] און מיכל האָט גענומען דעם תּרָפים, און אַרויפֿגעלייגט אויפֿן בעט, און אַ געשטריק פֿון ציגנהאָר האָט זי אים געלייגט צו קאָפּנס, און איבערגעדעקט מיט אַ בגד. [14] און אַז שָאול האָט געשיקט שלוחים צו נעמען דודן, האָט זי געזאָגט: ער איז קראַנק.

[15] האָט שָאול געשיקט שלוחים צו זען דודן, אַזוי צו זאָגן: ברענגט אים אַרויף מיטן בעט צו מיר, אים צו טייטן. [16] זיינען די שלוחים געקומען, ערשט דער תּרָפים איז אויפֿן בעט, און דאָס געשטריק פֿון ציגנהאָר אים צוקאָפּנס.

[17] האָט שָאול געזאָגט צו מיכלען: פֿאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי אָפּגענאַרט, און האָסט אַוועקגעלאָזט מיין שׂונא, און ער איז אַנטרונען געוואָרן? האָט מיכל געזאָגט צו שָאולן: ער האָט צו מיר געזאָגט: לאָז מיך אַוועק, נאָך וואָס זאָל איך דיך טייטן?

[18] און דוד איז אַנטלאָפֿן און אַנטרונען געוואָרן, און ער איז געקומען צו שמואלן קיין רָמָה, און האָט אים דערציילט אַלץ וואָס שָאול האָט אים געטאָן. און ער און שמואל זיינען געגאַנגען און האָבן זיך באַזעצט אין נָיות.

[19] איז אָנגעזאָגט געוואָרן שָאולן, אַזוי צו זאָגן: זע, דוד איז אין נָיות אין רָמָה. [20] און שָאול האָט געשיקט שלוחים צו נעמען דודן. האָבן זיי געזען דאָס געזעמל נביאים נביאות זאָגן, און שמואל שטייט געשטעלט איבער זיי; און דער גייסט פֿון גאָט איז געווען אויף די שלוחים פֿון שָאולן, און זיי אויך האָבן נביאות געזאָגט.

[21] האָט מען אָנגעזאָגט שָאולן, און ער האָט געשיקט אַנדערע שלוחים. האָבן זיי אויך נביאות געזאָגט. האָט שָאול ווידער געשיקט דריטע שלוחים, און זיי אויך האָבן נביאות געזאָגט.

[22] איז ער אויך געגאַנגען קיין רָמָה, און ער איז געקומען ביז דער גרויסער גרוב וואָס אין שֵׂכו, און

וַיַּגֶּד־לוֹ יְהוֹנָתָן אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיָּבֵא יְהוֹנָתָן אֶת־
ח דָּוִד אֶל־שָׁאוּל וַיְהִי לְפָנָיו כְּאֶתְמוֹל שִׁלְשׁוֹם׃ וַתּוֹסֶף
הַמִּלְחָמָה לִהְיוֹת וַיֵּצֵא דָוִד וַיִּלָּחֶם בַּפְּלִשְׁתִּים וַיַּךְ בָּהֶם
ט מַכָּה גְדוֹלָה וַיָּנֻסוּ מִפָּנָיו׃ וַתְּהִי רוּחַ יְהוָה ׀ רָעָה אֶל־
שָׁאוּל וְהוּא בְּבֵיתוֹ יֹשֵׁב וַחֲנִיתוֹ בְּיָדוֹ וְדָוִד מְנַגֵּן בְּיָד׃
י וַיְבַקֵּשׁ שָׁאוּל לְהַכּוֹת בַּחֲנִית בְּדָוִד וּבַקִּיר וַיִּפְטַר מִפְּנֵי
שָׁאוּל וַיַּךְ אֶת־הַחֲנִית בַּקִּיר וְדָוִד נָס וַיִּמָּלֵט בַּלַּיְלָה הוּא׃
יא וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים אֶל־בֵּית דָּוִד לְשָׁמְרוֹ וְלַהֲמִיתוֹ
בַּבֹּקֶר וַתַּגֵּד לְדָוִד מִיכַל אִשְׁתּוֹ לֵאמֹר אִם־אֵינְךָ מְמַלֵּט
יב אֶת־נַפְשְׁךָ הַלַּיְלָה מָחָר אַתָּה מוּמָת׃ וַתֹּרֶד מִיכַל אֶת־
יג דָּוִד בְּעַד הַחַלּוֹן וַיֵּלֶךְ וַיִּבְרַח וַיִּמָּלֵט׃ וַתִּקַּח מִיכַל אֶת־
הַתְּרָפִים וַתָּשֶׂם אֶל־הַמִּטָּה וְאֵת כְּבִיר הָעִזִּים שָׂמָה
יד מְרַאֲשֹׁתָיו וַתְּכַס בַּבָּגֶד׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים לָקַחַת
טו אֶת־דָּוִד וַתֹּאמֶר חֹלֶה הוּא׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל אֶת־הַמַּלְאָכִים
לִרְאוֹת אֶת־דָּוִד לֵאמֹר הַעֲלוּ אֹתוֹ בַמִּטָּה אֵלַי לַהֲמִתוֹ׃
טז וַיָּבֹאוּ הַמַּלְאָכִים וְהִנֵּה הַתְּרָפִים אֶל־הַמִּטָּה וּכְבִיר הָעִזִּים
יז מְרַאֲשֹׁתָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־מִיכַל לָמָּה כָּכָה רִמִּיתִנִי
וַתְּשַׁלְּחִי אֶת־אֹיְבִי וַיִּמָּלֵט וַתֹּאמֶר מִיכַל אֶל־שָׁאוּל הוּא־
יח אָמַר אֵלַי שַׁלְּחִנִי לָמָה אֲמִיתֵךְ׃ וְדָוִד בָּרַח וַיִּמָּלֵט וַיָּבֹא
אֶל־שְׁמוּאֵל הָרָמָתָה וַיַּגֶּד־לוֹ אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה־לוֹ שָׁאוּל
יט וַיֵּלֶךְ הוּא וּשְׁמוּאֵל וַיֵּשְׁבוּ בְּנָוֹית׃ וַיֻּגַּד לְשָׁאוּל לֵאמֹר
כ הִנֵּה דָוִד בְּנָוֹית בָּרָמָה׃ וַיִּשְׁלַח שָׁאוּל מַלְאָכִים לָקַחַת
אֶת־דָּוִד וַיַּרְא אֶת־לַהֲקַת הַנְּבִיאִים נִבְּאִים וּשְׁמוּאֵל עֹמֵד
נִצָּב עֲלֵיהֶם וַתְּהִי עַל־מַלְאֲכֵי שָׁאוּל רוּחַ אֱלֹהִים וַיִּתְנַבְּאוּ
כא גַּם־הֵמָּה׃ וַיַּגִּדוּ לְשָׁאוּל וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֲחֵרִים וַיִּתְנַבְּאוּ
גַּם־הֵמָּה וַיֹּסֶף שָׁאוּל וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים שְׁלִשִׁים וַיִּתְנַבְּאוּ
כב גַּם־הֵמָּה׃ וַיֵּלֶךְ גַּם־הוּא הָרָמָתָה וַיָּבֹא עַד־בּוֹר הַגָּדוֹל

ז׳ כא לשאול   י׳ סבירין הדוא   יח׳ בניות קרי   יט׳ בניות קרי

אֲשֶׁר בַּשֶּׂכוּ וַיִּשְׁאַל וַיֹּאמֶר אֵיפֹה שְׁמוּאֵל וְדָוִד וַיֹּאמֶר
כג הִנֵּה בְּנָיוֹת בָּרָמָה׃ וַיֵּלֶךְ שָׁם אֶל־נָיוֹת בָּרָמָה וַתְּהִי
עָלָיו גַּם־הוּא רוּחַ אֱלֹהִים וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וַיִּתְנַבֵּא עַד־בֹּאוֹ
כד בְּנָיוֹת בָּרָמָה׃ וַיִּפְשַׁט גַּם־הוּא בְּגָדָיו וַיִּתְנַבֵּא גַם־הוּא
לִפְנֵי שְׁמוּאֵל וַיִּפֹּל עָרֹם כָּל־הַיּוֹם הַהוּא וְכָל־הַלָּיְלָה עַל־
כֵּן יֹאמְרוּ הֲגַם שָׁאוּל בַּנְּבִאִים׃

## כ

א וַיִּבְרַח דָּוִד מִנָּיוֹת בָּרָמָה וַיָּבֹא וַיֹּאמֶר ׀ לִפְנֵי יְהוֹנָתָן מֶה
עָשִׂיתִי מֶה־עֲוֺנִי וּמֶה־חַטָּאתִי לִפְנֵי אָבִיךָ כִּי מְבַקֵּשׁ אֶת־
ב נַפְשִׁי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ חָלִילָה לֹא תָמוּת הִנֵּה לוֹ־עָשָׂה אָבִי
דָּבָר גָּדוֹל אוֹ דָּבָר קָטֹן וְלֹא יִגְלֶה אֶת־אָזְנִי וּמַדּוּעַ יַסְתִּיר
ג אָבִי מִמֶּנִּי אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה אֵין זֹאת׃ וַיִּשָּׁבַע עוֹד דָּוִד
וַיֹּאמֶר יָדֹעַ יָדַע אָבִיךָ כִּי־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ וַיֹּאמֶר אַל־
יֵדַע־זֹאת יְהוֹנָתָן פֶּן־יֵעָצֵב וְאוּלָם חַי־יְהוָה וְחֵי נַפְשֶׁךָ כִּי
ד כְפֶשַׂע בֵּינִי וּבֵין הַמָּוֶת׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן אֶל־דָּוִד מַה־תֹּאמַר
ה נַפְשְׁךָ וְאֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוֹנָתָן הִנֵּה־חֹדֶשׁ
מָחָר וְאָנֹכִי יָשֹׁב־אֵשֵׁב עִם־הַמֶּלֶךְ לֶאֱכוֹל וְשִׁלַּחְתַּנִי
ו וְנִסְתַּרְתִּי בַשָּׂדֶה עַד הָעֶרֶב הַשְּׁלִשִׁית׃ אִם־פָּקֹד יִפְקְדֵנִי
אָבִיךָ וְאָמַרְתָּ נִשְׁאֹל נִשְׁאַל מִמֶּנִּי דָוִד לָרוּץ בֵּית־לֶחֶם
ז עִירוֹ כִּי זֶבַח הַיָּמִים שָׁם לְכָל־הַמִּשְׁפָּחָה׃ אִם־כֹּה יֹאמַר
טוֹב שָׁלוֹם לְעַבְדֶּךָ וְאִם־חָרֹה יֶחֱרֶה לוֹ דַּע כִּי־כָלְתָה
ח הָרָעָה מֵעִמּוֹ׃ וְעָשִׂיתָ חֶסֶד עַל־עַבְדֶּךָ כִּי בִּבְרִית יְהוָה
הֵבֵאתָ אֶת־עַבְדְּךָ עִמָּךְ וְאִם־יֶשׁ־בִּי עָוֺן הֲמִיתֵנִי אַתָּה וְעַד־
ט אָבִיךָ לָמָּה־זֶּה תְבִיאֵנִי׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן חָלִילָה לָּךְ כִּי ׀
אִם־יָדֹעַ אֵדַע כִּי־כָלְתָה הָרָעָה מֵעִם אָבִי לָבוֹא עָלֶיךָ וְלֹא
י אֹתָהּ אַגִּיד לָךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוֹנָתָן מִי יַגִּיד לִי אוֹ
יא מַה־יַּעַנְךָ אָבִיךָ קָשָׁה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן אֶל־דָּוִד לְכָה וְנֵצֵא

יט, כב׳ סבירין ויאמרו   בניות קרי   כג׳ נוית קרי   בנוית קרי   כ, א׳ מנוית קרי
ב׳ לא יעשה קרי

האָט זיך נאָכגעפרעגט און געזאָגט: ווו זיינען שמואל און דוד? האָט מען אים געזאָגט: אָט, אין נָיות אין רָמָה. [23] איז ער אַוועק אַהין קיין נָיות אין רָמָה, און אויך אויף אים איז געווען דער גייסט פון גאָט, און ער איז גע־גאַנגען און גייענדיק נביאות געזאָגט, ביז ער איז געקומען קיין נָיות אין רָמָה. [24] און ער אויך האָט אויסגעטאָן זיינע קליידער, און ער אויך האָט נביאות געזאָגט פאַר שמואלן, און איז געלעגן אַ נאַקעטער יענעם גאַנצן טאָג, און די גאַנצע נאַכט. דעריבער זאָגט מען: איז אויך שָאול צווישן די נביאים?

## כ

[1] און דוד איז אַנטלאָפן פון נָיות אין רָמָה, און ער איז געקומען, און האָט געזאָגט פאַר יהוֹנָתָנען: וואָס האָב איך געטאָן? און וואָס איז מיין פאַרברעך, און וואָס איז מיין חטא פאַר דיין פאָטער, וואָס ער זוכט מיין לעבן? [2] האָט ער צו אים געזאָגט: חלילה! וועסט ניט שטאַרבן. זע, מיין פאָטער טוט ניט אַ גרויסע זאַך אָדער אַ קליינע זאַך, אַוו ער אַנטפּלעקט ניט מיין אויער, און פאַרוואָס זאָל מיין פאָטער פאַרבאָרגן פון מיר דיזאָזיקע זאַך? עס איז ניט אַזוי. [3] האָט דוד ווידער געשוואָרן, און גע־זאָגט: וויסן וויס דיין פאָטער אַז איך האָב געפונען חן אין דיינע אויגן, און ער קלערט: זאָל יהוֹנָתָן דערפון ניט וויסן, כדי ער זאָל זיך ניט קלעמען. אָבער אַזוי ווי גאָט לעבט, און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אַז אַזוי ווי אַ טריט איז צווישן מיר און צווישן טויט! [4] האָט יהוֹנָתָן געזאָגט צו דודן: וואָס וויל דיין זעל, איך זאָל פאַר דיר טאָן? [5] האָט דוד געזאָגט צו יהוֹנָתָנען: אָט איז מאָרגן ראָש־חודש, ווען זיצן דאַרף איך זיצן מיטן מלך צום עסן; זאָלסטו מיך לאָזן גיין, און איך וועל זיך באַהאַלטן אין פעלד ביז איבערמאָרגן אָוונט. [6] אויב נאָכפרעגן וועט זיך נאָכפרעגן דיין פאָטער אויף מיר, זאָלסטו זאָגן: אָפּבעטן האָט זיך אָפּגעבעטן דוד ביי מיר, כדי אַריבערצולויפן אין זיין שטאָט בֵּית־לֶחֶם, וואָרום די יערלעכע אָפּפערשלאַכטונג איז דאָרטן ביי דער גאַנצער משפחה. [7] אויב ער וועט אַזוי זאָגן: גוט! איז פריד צו דיין קנעכט; אויב אָבער צערענען וועט ער צערענען, זיי וויסן אַז שלעכטס איז באַשלאָסן ביי אים. [8] און זאָלסט טאָן חסד מיט דיין קנעכט, וואָרום אין אַ בונד פון גאָט האָסטו געבראַכט דיין קנעכט מיט דיר; און אויב איז מיר איז דאָ אַ פאַרברעך, טייט מיך דו; און נאָך וואָס דען זאָלסטו מיך ברענגען צו דיין פאָטער? [9] האָט יהוֹנָתָן געזאָגט: חלילה דיר! וואָרום אויב דערוויסן וועל איך זיך דערוויסן אַז ביי מיין פאָטער איז באַשלאָסן, דיר זאָל געשען בייז, צי וועל איך דאָס דיר ניט דערציילן? [10] האָט דוד געזאָגט צו יהוֹנָתָנען: ווער וועט מיר דערציילן אויב דיין פאָטער וועט דיר ענטפערן האַרט? [11] האָט יהוֹנָתָן געזאָגט צו דודן: קום, און לאָמיר אַרויסגיין אין פעלד.

זיינען זיי ביידע אַרויסגעגאַנגען אין פעלד. [12] און
יהונָתָן האָט געזאָגט צו דודן: ביי יהוה דעם גאָט פון
ישראל! אַז איך וועל אויספאָרשן מיין פאָטער מאָרגן
אָדער איבערמאָרגן אין דער צייט, ערשט ער איז גוט צו
דודן, צי וועל איך דענסמאָל ניט שיקן צו דיר, און אַנט־
פלעקן דיין אויער? [13] זאָל גאָט טאָן צו יהונָתָנען אַזוי און
נאָך מער! אויב מיין פאָטער וועט וויל געפעלן צו
ברענגען אויף דיר שלעכטס, וועל איך אַנטפּלעקן דיין
אויער, און וועל דיך אַוועקשיקן, און וועסט גיין בשלום,
און גאָט וועט זיין מיט דיר אַזוי ווי ער איז געווען מיט מיין
פאָטער. [14] און ניט נאָר ווען איך לעב נאָך—ניט נאָר
זאָלסטו טאָן מיט מיר אַ גאָטס חסד, אַז איך זאָל ניט
שטאַרבן; [15] נייערט זאָלסט ניט אָפּשניידן דיין חסד פון
מיין הויז ביז אייביק; ניט צומאָל ווען גאָט וועט פאַר־
שניידן דודס פיינט ביז איינעם פון דעם געזיכט פון דער
ערד.

[16] און יהונָתָן האָט געשלאָסן אַ בונד מיט דעם הויז
פון דודן: זאָל גאָט אויפמאָנען פון דער האַנט פון דודס
פיינט! [17] און יהונָתָן האָט ווידער באַשוואָרן דודן ביי זיין
ליבשאַפט צו אים, וואָרום ליב ווי זיין זעל האָט ער אים
ליב געהאַט. [18] און יהונָתָן האָט צו אים געזאָגט: מאָרגן
איז ראש־חודש, און דו וועסט פעלן, ווייל דיין זיץ וועט
זיין ליידיק. [19] זאָלסטו איבערמאָרגן טיף אַראָפּנידערן,
און קומען צו דעם אָרט וואָס דו האָסט זיך דאָרטן פאַר־
באָרגן אין דעם וואָכעדיקן טאָג, און זיצן לעבן דעם שטיין אֶזֶל. [20] און איך וועל וואַרפן דריי פיילן אָן אַ זייט, אַזוי
ווי איך וואָלט שיסן אין אַ ציל. [21] און זע, איך וועל שיקן דעם יינגל: גיי, געפין די פיילן. אויב זאָגן וועל איך זאָגן
צום יינגל: „אָן זיינען די פיילן אַהערצו פון דיר, נעם עס", טאָ קום, וואָרום פריד איז צו דיר, און עס איז גאָרנישט,
אַזוי ווי גאָט לעבט! [22] אויב אָבער איך וועל אַזוי זאָגן צום יונג: „אָן זיינען די פיילן אַהינצו פון דיר", גיי אַוועק, וואָרום
גאָט שיקט דיך אַוועק. [23] און וועגן דער זאַך וואָס מיר האָבן גערעדט, איך און דו, אָט איז גאָט [אַן עדות] צווישן מיר
און צווישן דיר אויף אייביק.

[24] האָט דוד זיך באַהאַלטן אין פעלד; און אַז עס איז געווען ראש־חודש, האָט דער מלך זיך געזעצט צום מאָל־
צייט עסן. [25] און דער מלך איז געזעסן אויף זיין זיץ אַזוי ווי אַלע מאָל, אויף דעם זיץ ביי דער וואַנט; און יהונָתָן איז
געשטאַנען, און אַבנֵר איז געזעסן ביין זייט פון שָאולן; און דודס אָרט איז געווען ליידיק. [26] און שָאול האָט גאָרנישט
גערעדט אין יענעם טאָג, וואָרום ער האָט געקלערט: אַ סיבה איז דאָס; ער איז ניט ריין, ער איז אַוודאי אומריין.

[27] און עס איז געווען אויף מאָרגן נאָך ראש־חודש, דעם צווייטן טאָג, אַז דודס אָרט איז געווען ליידיק, האָט
שָאול געזאָגט צו יהונָתָן זיין זון: פאַרוואָס איז ניט געקומען דער זון פון יִשַי אי נעכטן אי היינט צום מאָלצייט?

יב הַשָּׂדֶה וַיֵּצְאוּ שְׁנֵיהֶם הַשָּׂדֶה׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן אֶל־דָּוִד
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כִּי־אֶחְקֹר אֶת־אָבִי כָּעֵת ׀ מָחָר
הַשְּׁלִשִׁית וְהִנֵּה־טוֹב אֶל־דָּוִד וְלֹא־אָז אֶשְׁלַח אֵלֶיךָ וְגָלִיתִי
יג אֶת־אָזְנֶךָ׃ כֹּה־יַעֲשֶׂה יְהוָה לִיהוֹנָתָן וְכֹה יֹסִיף כִּי־יֵיטִב
אֶל־אָבִי אֶת־הָרָעָה עָלֶיךָ וְגָלִיתִי אֶת־אָזְנֶךָ וְשִׁלַּחְתִּיךָ
וְהָלַכְתָּ לְשָׁלוֹם וִיהִי יְהוָה עִמָּךְ כַּאֲשֶׁר הָיָה עִם־אָבִי׃
יד וְלֹא אִם־עוֹדֶנִּי חָי וְלֹא־תַעֲשֶׂה עִמָּדִי חֶסֶד יְהוָה וְלֹא אָמוּת׃
טו וְלֹא־תַכְרִית אֶת־חַסְדְּךָ מֵעִם בֵּיתִי עַד־עוֹלָם וְלֹא בְּהַכְרִת
טז יְהוָה אֶת־אֹיְבֵי דָוִד אִישׁ מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וַיִּכְרֹת יְהוֹנָתָן
יז עִם־בֵּית דָּוִד וּבִקֵּשׁ יְהוָה מִיַּד אֹיְבֵי דָוִד׃ וַיּוֹסֶף יְהוֹנָתָן
לְהַשְׁבִּיעַ אֶת־דָּוִד בְּאַהֲבָתוֹ אֹתוֹ כִּי־אַהֲבַת נַפְשׁוֹ אֲהֵבוֹ׃
יח וַיֹּאמֶר־לוֹ יְהוֹנָתָן מָחָר חֹדֶשׁ וְנִפְקַדְתָּ כִּי יִפָּקֵד
יט מוֹשָׁבֶךָ׃ וְשִׁלַּשְׁתָּ תֵּרֵד מְאֹד וּבָאתָ אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־
נִסְתַּרְתָּ שָּׁם בְּיוֹם הַמַּעֲשֶׂה וְיָשַׁבְתָּ אֵצֶל הָאֶבֶן הָאָזֶל׃
כ וַאֲנִי שְׁלֹשֶׁת הַחִצִּים צִדָּה אוֹרֶה לְשַׁלַּח־לִי לְמַטָּרָה׃
כא וְהִנֵּה אֶשְׁלַח אֶת־הַנַּעַר לֵךְ מְצָא אֶת־הַחִצִּים אִם־אָמֹר
אֹמַר לַנַּעַר הִנֵּה הַחִצִּים ׀ מִמְּךָ וָהֵנָּה קָחֶנּוּ וָבֹאָה כִּי־שָׁלוֹם
כב לְךָ וְאֵין דָּבָר חַי־יְהוָה׃ וְאִם־כֹּה אֹמַר לָעֶלֶם הִנֵּה הַחִצִּים
כג מִמְּךָ וָהָלְאָה לֵךְ כִּי שִׁלַּחֲךָ יְהוָה׃ וְהַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבַּרְנוּ
כד אֲנִי וָאָתָּה הִנֵּה יְהוָה בֵּינִי וּבֵינְךָ עַד־עוֹלָם׃ וַיִּסָּתֵר
דָּוִד בַּשָּׂדֶה וַיְהִי הַחֹדֶשׁ וַיֵּשֶׁב הַמֶּלֶךְ עַל־הַלֶּחֶם לֶאֱכוֹל׃
כה וַיֵּשֶׁב הַמֶּלֶךְ עַל־מוֹשָׁבוֹ כְּפַעַם ׀ בְּפַעַם אֶל־מוֹשַׁב הַקִּיר
וַיָּקָם יְהוֹנָתָן וַיֵּשֶׁב אַבְנֵר מִצַּד שָׁאוּל וַיִּפָּקֵד מְקוֹם דָּוִד׃
כו וְלֹא־דִבֶּר שָׁאוּל מְאוּמָה בַּיּוֹם הַהוּא כִּי אָמַר מִקְרֶה
כז הוּא בִּלְתִּי טָהוֹר הוּא כִּי־לֹא טָהוֹר׃ וַיְהִי מִמָּחֳרַת
הַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי וַיִּפָּקֵד מְקוֹם דָּוִד וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־יְהוֹנָתָן
בְּנוֹ מַדּוּעַ לֹא־בָא בֶן־יִשַׁי גַּם־תְּמוֹל גַּם־הַיּוֹם אֶל־הַלָּחֶם׃

יח׳ הפטרת מחר חדש אם אינו שבת ר״ת ואין מברכין בו אלול
כ׳ ה רפה    כד׳ אל קרי

וַיַּעַן יְהוֹנָתָן אֶת־שָׁאוּל נִשְׁאֹל נִשְׁאַל דָּוִד מֵעִמָּדִי עַד־בֵּית כח
לָחֶם׃ וַיֹּאמֶר שַׁלְּחֵנִי נָא כִּי זֶבַח מִשְׁפָּחָה לָנוּ בָּעִיר וְהוּא כט
צִוָּה־לִי אָחִי וְעַתָּה אִם־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אִמָּלְטָה נָּא
וְאֶרְאֶה אֶת־אֶחָי עַל־כֵּן לֹא־בָא אֶל־שֻׁלְחַן הַמֶּלֶךְ׃
וַיִּחַר־אַף שָׁאוּל בִּיהוֹנָתָן וַיֹּאמֶר לוֹ בֶּן־נַעֲוַת הַמַּרְדּוּת ל
הֲלוֹא יָדַעְתִּי כִּי־בֹחֵר אַתָּה לְבֶן־יִשַׁי לְבָשְׁתְּךָ וּלְבֹשֶׁת
עֶרְוַת אִמֶּךָ׃ כִּי כָל־הַיָּמִים אֲשֶׁר בֶּן־יִשַׁי חַי עַל־הָאֲדָמָה לא
לֹא תִכּוֹן אַתָּה וּמַלְכוּתֶךָ וְעַתָּה שְׁלַח וְקַח אֹתוֹ אֵלַי כִּי
בֶן־מָוֶת הוּא׃ וַיַּעַן יְהוֹנָתָן אֶת־שָׁאוּל אָבִיו וַיֹּאמֶר אֵלָיו לב
לָמָּה יוּמַת מֶה עָשָׂה׃ וַיָּטֶל שָׁאוּל אֶת־הַחֲנִית עָלָיו לג
לְהַכֹּתוֹ וַיֵּדַע יְהוֹנָתָן כִּי־כָלָה הִיא מֵעִם אָבִיו לְהָמִית אֶת־
דָּוִד׃ וַיָּקָם יְהוֹנָתָן מֵעִם הַשֻּׁלְחָן בָּחֳרִי־אָף וְלֹא־אָכַל לד
בְּיוֹם־הַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי לֶחֶם כִּי נֶעְצַב אֶל־דָּוִד כִּי הִכְלִמוֹ
אָבִיו׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר וַיֵּצֵא יְהוֹנָתָן הַשָּׂדֶה לְמוֹעֵד דָּוִד לה
וְנַעַר קָטֹן עִמּוֹ׃ וַיֹּאמֶר לְנַעֲרוֹ רֻץ מְצָא־נָא אֶת־הַחִצִּים לו
אֲשֶׁר אָנֹכִי מוֹרֶה הַנַּעַר רָץ וְהוּא־יָרָה הַחֵצִי לְהַעֲבִרוֹ׃
וַיָּבֹא הַנַּעַר עַד־מְקוֹם הַחֵצִי אֲשֶׁר יָרָה יְהוֹנָתָן וַיִּקְרָא לז
יְהוֹנָתָן אַחֲרֵי הַנַּעַר וַיֹּאמֶר הֲלוֹא הַחֵצִי מִמְּךָ וָהָלְאָה׃
וַיִּקְרָא יְהוֹנָתָן אַחֲרֵי הַנַּעַר מְהֵרָה חוּשָׁה אַל־תַּעֲמֹד וַיְלַקֵּט לח
נַעַר יְהוֹנָתָן אֶת־הַחִצִּי וַיָּבֹא אֶל־אֲדֹנָיו׃ וְהַנַּעַר לֹא־יָדַע לט
מְאוּמָה אַךְ יְהוֹנָתָן וְדָוִד יָדְעוּ אֶת־הַדָּבָר׃ וַיִּתֵּן יְהוֹנָתָן מ
אֶת־כֵּלָיו אֶל־הַנַּעַר אֲשֶׁר־לוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ לֵךְ הָבֵיא הָעִיר׃
הַנַּעַר בָּא וְדָוִד קָם מֵאֵצֶל הַנֶּגֶב וַיִּפֹּל לְאַפָּיו אַרְצָה וַיִּשְׁתַּחוּ מא
שָׁלֹשׁ פְּעָמִים וַיִּשְּׁקוּ ׀ אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ וַיִּבְכּוּ אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ
עַד־דָּוִד הִגְדִּיל׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָתָן לְדָוִד לֵךְ לְשָׁלוֹם אֲשֶׁר מב
נִשְׁבַּעְנוּ שְׁנֵינוּ אֲנַחְנוּ בְּשֵׁם יְהוָה לֵאמֹר יְהוָה יִהְיֶה ׀ בֵּינִי
וּבֵינֶךָ וּבֵין זַרְעִי וּבֵין זַרְעֲךָ עַד־עוֹלָם׃ *

לח׳ החצים קרי׳ מב׳ עד כאן

28 האָט יהונָתָן געענטפערט שָאולן: אָפּגעבעטן האָט זיך אָפּגעבעטן דוד ביי מיר קיין בֵּית־לֶחֶם; 29 און ער האָט געזאָגט: לאָז מיך גיין, איך בעט דיך, וואָרום אַן אָפּפער־שלאַכטונג פון דער משפחה איז ביי אונדז אין שטאָט, און מיין ברודער, ער האָט מיר באַפוילן; און אַצונד, אויב איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, לאָמיך, איך בעט דיך, זיך אַריבערכאַפּן, און זען מיינע ברידער. דעריבער איז ער ניט געקומען צום מלכס טיש. 30 האָט געגרימט דער צאָרן פון שָאולן אויף יהונָתָנען, און ער האָט צו אים געזאָגט: דו זון פון פאַרקערטער ווידער־שפּעניקייט, ווייס איך דען ניט, אַז דו האָסט אויסדער־ווײלט דעם זון פון יִשַי, צו דיין שאַנד און צו דער שאַנד פון דיין מוטערס נאַקעטקייט? 31 וואָרום כּל־זמן דער זון פון יִשַי לעבט אויף דער ערד, וועסט דו און דיין מלוכה ניט האָבן קיין באַשטאַנד. און אַצונד, שיק און נעם אים צו מיר, וואָרום טויט קומט אים. 32 האָט יהונָתָן געענט־פערט זיין פאָטער שָאולן, און האָט צו אים געזאָגט: פאַר־וואָס זאָל ער געטייט ווערן? וואָס האָט ער געטאָן?

33 האָט שָאול אַ וואָרף געטאָן אויף אים דעם שפּיז, אים צו טרעפן; און יהונָתָן האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז באַשלאָסן ביי זיין פאָטער צו טייטן דודן.

34 איז יהונָתָן אויפגעשטאַנען פון טיש אין גרימצאָרן; און ער האָט דעם צווייטן טאָג פון חודש ניט געגעסן קיין שפּייז, ווייל ער האָט זיך געקלעמט וועגן דודן, און ווייל זיין פאָטער האָט אים פאַרשעמט. 35 און עס איז געווען אין דער פרי, איז יהונָתָן אַרויסגעגאַנגען אין פעלד, צו דער צייט וואָס איז געווען אָפּגעמאַכט מיט דודן, און אַ קליין יינגל איז געווען מיט אים. 36 און ער האָט געזאָגט צו זיין יינגל: לויף, געפין אַקאָרשט די פיילן וואָס איך וואַרף. איז דער יינגל געלאָפן, און ער האָט געוואָרפן אַ פייל אים אַריבערצוויאָגן. 37 און ווי דער יינגל איז צוגעקומען צו דעם אָרט פון דער פייל וואָס יהונָתָן האָט געוואָרפן, אַזוי האָט יהונָתָן נאָכגערופן דעם יינגל, און געזאָגט: די פייל איז דאָך אַהינצו פון דיר. 38 און יהונָתָן האָט נאָכגערופן דעם יינגל: גיכער, איל זיך, זאָלסט זיך ניט אָפּשטעלן. און יהונָתָנס יינגל האָט אויפגעקליבן די פיילן, און איז געקומען צו זיין האַר.

39 און דער יינגל האָט פון גאָרנישט געוווּסט, נאָר יהונָתָן און דוד האָבן געוווּסט פון דער זאַך. 40 האָט יהונָתָן גע־געבן זיינע וואָפן צו זיין יינגל, און האָט צו אים געזאָגט: גיי, ברענג זיי אין שטאָט.

41 ווי דער יינגל איז אַוועקגעגאַנגען, אַזוי איז דוד אויפגעשטאַנען פון דָרום־זייט, און ער איז געפאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד, און האָט זיך געבוקט דריי מאָל. און זיי האָבן געקושט איינער דעם אַנדערן, און געוויינט איינער מיטן אַנדערן, ביז דוד האָט איבערגעשטיגן.

42 און יהונָתָן האָט געזאָגט צו דודן: גיי בשלום; [געדענק] וואָס מיר האָבן זיך ביידע געשוואָרן ביים נאָמען פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: גאָט זאָל זיין [אַן עדות] צווישן מיר און צווישן דיר, און צווישן מיין זאָמען און צווישן דיין זאָמען ביז אייביק.

## כא

א וַיָּקָם וַיֵּלַךְ וִיהוֹנָתָן בָּא הָעִיר׃ 
ב וַיָּבֹא דָוִד נֹבֶה אֶל־
אֲחִימֶלֶךְ הַכֹּהֵן וַיֶּחֱרַד אֲחִימֶלֶךְ לִקְרַאת דָּוִד וַיֹּאמֶר
ג לוֹ מַדּוּעַ אַתָּה לְבַדֶּךָ וְאִישׁ אֵין אִתָּךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד
לַאֲחִימֶלֶךְ הַכֹּהֵן הַמֶּלֶךְ צִוַּנִי דָבָר וַיֹּאמֶר אֵלַי אִישׁ אַל־
יֵדַע מְאוּמָה אֶת־הַדָּבָר אֲשֶׁר־אָנֹכִי שֹׁלֵחֲךָ וַאֲשֶׁר צִוִּיתִךָ
ד וְאֶת־הַנְּעָרִים יוֹדַעְתִּי אֶל־מְקוֹם פְּלֹנִי אַלְמוֹנִי׃ וְעַתָּה מַה־
יֵּשׁ תַּחַת־יָדְךָ חֲמִשָּׁה־לֶחֶם תְּנָה בְיָדִי אוֹ הַנִּמְצָא׃
ה וַיַּעַן הַכֹּהֵן אֶת־דָּוִד וַיֹּאמֶר אֵין־לֶחֶם חֹל אֶל־תַּחַת יָדִי
כִּי־אִם־לֶחֶם קֹדֶשׁ יֵשׁ אִם־נִשְׁמְרוּ הַנְּעָרִים אַךְ מֵאִשָּׁה׃
ו וַיַּעַן דָּוִד אֶת־הַכֹּהֵן וַיֹּאמֶר לוֹ כִּי אִם־אִשָּׁה עֲצֻרָה־
לָנוּ כִּתְמוֹל שִׁלְשֹׁם בְּצֵאתִי וַיִּהְיוּ כְלֵי־הַנְּעָרִים קֹדֶשׁ וְהוּא
ז דֶּרֶךְ חֹל וְאַף כִּי־הַיּוֹם יִקְדַּשׁ בַּכֶּלִי׃ וַיִּתֶּן־לוֹ הַכֹּהֵן קֹדֶשׁ
כִּי לֹא־הָיָה שָׁם לֶחֶם כִּי־אִם־לֶחֶם הַפָּנִים הַמּוּסָרִים
ח מִלִּפְנֵי יְהוָה לָשׂוּם לֶחֶם חֹם בְּיוֹם הִלָּקְחוֹ׃ וְשָׁם אִישׁ
מֵעַבְדֵי שָׁאוּל בַּיּוֹם הַהוּא נֶעְצָר לִפְנֵי יְהוָה וּשְׁמוֹ דֹּאֵג
ט הָאֲדֹמִי אַבִּיר הָרֹעִים אֲשֶׁר לְשָׁאוּל׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד
לַאֲחִימֶלֶךְ וְאִין יֶשׁ־פֹּה תַחַת־יָדְךָ חֲנִית אוֹ־חָרֶב כִּי גַם־
חַרְבִּי וְגַם־כֵּלַי לֹא־לָקַחְתִּי בְיָדִי כִּי־הָיָה דְבַר־הַמֶּלֶךְ
י נָחוּץ׃ וַיֹּאמֶר הַכֹּהֵן חֶרֶב גָּלְיָת הַפְּלִשְׁתִּי אֲשֶׁר־
הִכִּיתָ ׀ בְּעֵמֶק הָאֵלָה הִנֵּה־הִיא לוּטָה בַשִּׂמְלָה אַחֲרֵי
הָאֵפוֹד אִם־אֹתָהּ תִּקַּח־לְךָ קָח כִּי אֵין אַחֶרֶת זוּלָתָהּ
יא בָּזֶה וַיֹּאמֶר דָּוִד אֵין כָּמוֹהָ תְּנֶנָּה לִּי׃ וַיָּקָם
דָּוִד וַיִּבְרַח בַּיּוֹם־הַהוּא מִפְּנֵי שָׁאוּל וַיָּבֹא אֶל־אָכִישׁ
יב מֶלֶךְ גַּת׃ וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי אָכִישׁ אֵלָיו הֲלוֹא־זֶה דָוִד
מֶלֶךְ הָאָרֶץ הֲלוֹא לָזֶה יַעֲנוּ בַמְּחֹלוֹת לֵאמֹר הִכָּה שָׁאוּל
יג בַּאֲלָפָו וְדָוִד בְּרִבְבֹתָו׃ וַיָּשֶׂם דָּוִד אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה

ט׳ כצ״ל   י׳ קמץ בזק   הבי בפתח   פסקא באמצע פסוק   יא׳ פתח בס״פ
יב׳ באלפו קרי   ברבבתיו קרי

כא [1] און ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועקגע־גאַנגען; און יהונָתָן איז אַריין אין שטאָט.

[2] און דוד איז געקומען קיין נוב צו אַחימֶלֶך דעם כּהן, און אַחימֶלֶך האָט געצאַיילט דודן אַנטקעגן, און האָט צו אים געזאָגט: פאַרוואָס ביסטו אַליין, און קיינער איז ניט מיט דיר? [3] האָט דוד געזאָגט צו אַחימֶלֶך דעם כּהן: דער מלך האָט מיר באַפוילן אַ זאַך, און האָט צו מיר גע־זאָגט: קיינער זאָל גאָרנישט וויסן פון דער זאַך וועגן וואָס איך שיק דיך, און וואָס איך האָב דיר באַפוילן; און די יונגען האָב איך באַשטעלט אין יענעם און יענעם אָרט. [4] און אַצונד, וואָס איז דאָ אונטער דיין האַנט? גיב אין מיין האַנט אַ פינף ברויטן, אָדער וואָס עס געפינט זיך. [5] האָט דער כּהן געענטפערט דודן, און האָט געזאָגט: וואָכעדיק ברויט איז ניטאָ אונטער מיין האַנט, נאָר בלויז הייליק ברויט איז דאָ, אויב די יונגען האָבן זיך נאָר אָפּגעהיט פון אַ ווייב. [6] האָט דוד געענטפערט דעם כּהן, און האָט צו אים געזאָגט: פאַרוואָר, אַ ווייב איז פאַרמיטן פון אונדז אַזוי ווי אַלע מאָל אַז איך גיי אַרויס; און די כּלים פון די יונגען ווערן געהאַלטן הייליק; און דאָס איז דער שטייגער מיט וואָכעדיקן, און ווי שוין היינט, אַז הייליקס וועט זיין אין דער כּלי!

[7] האָט אים דער כּהן געגעבן הייליקס; וואָרום דאָרטן איז ניט געווען קיין ברויט, נאָר בלויז דאָס ברויט פון אָנגעזיכט וואָס איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון פאַר גאָט, כּדי אַוועקצולייגן וואַרעם ברויט, אין דעם טאָג וואָס עס איז אַוועקגענומען געוואָרן.

[8] און דאָרטן איז געווען אַ מאַן פון שָאולס קנעכט אין יענעם טאָג וואָס האָט זיך אויפגעהאַלטן פאַר גאָט, און זיין נאָמען איז געווען דואֵג דער אַדומי, דער הויפּט פון די פאַסטוכער וואָס ביי שָאולן.

[9] און דוד האָט געזאָגט צו אַחימֶלֶכן: און איז ניטאָ דאָ אונטער דיין האַנט אַ שפּיז אָדער אַ שווערד? וואָרום אַפילו מיין שווערד, און אַפילו מיינע וואָפן, האָב איך ניט מיטגענומען מיט זיך, ווייל די זאַך פון דעם מלך איז געווען אײַליק.

[10] האָט דער כּהן געזאָגט: די שווערד פון גָלְיַת דעם פּלִשתּי וואָס דו האָסט געשלאָגן אין טאָל אֵלָה, אָט איז זי אײַנגע־וויקלט אין אַ טוך הינטער דעם אֵפוד; אויב דו ווילסט זי דיר נעמען, נעם, וואָרום קיין אַנדערע חוץ איר איז דאָ ניטאָ.

[11] האָט דוד געזאָגט: ניטאָ איר גלייכן; גיב זי מיר.

[11] און דוד איז אויפגעשטאַנען, און איז אַנטלאָפן אין יענעם טאָג פון שָאולן, און איז געקומען צו אָכיש דעם מלך פון גַת.

[12] האָבן די קנעכט פון אָכישן געזאָגט צו אים: איז דאָס ניט דוד דער מלך פון לאַנד? האָט מען ניט אויף דעם־דאָזיקן געזונגען מיט טענץ, אַזוי צו זאָגן:

שָאול האָט געשלאָגן אין זיינע טויזנטן,
און דוד אין זיינע צענטויזנטן?

[13] האָט דוד זיך אַריינגענומען די־דאָזיקע ווערטער אין האַרצן, און ער האָט זייער מורא געהאַט פאַר

בִּלְבָבוֹ וַיִּרָא מְאֹד מִפְּנֵי אָכִישׁ מֶלֶךְ־גַּת׃ וַיְשַׁנּוֹ אֶת־ יד
טַעְמוֹ בְּעֵינֵיהֶם וַיִּתְהֹלֵל בְּיָדָם וַיְתָו עַל־דַּלְתוֹת הַשַּׁעַר
וַיּוֹרֶד רִירוֹ אֶל־זְקָנוֹ׃ וַיֹּאמֶר אָכִישׁ אֶל־עֲבָדָיו טו
הִנֵּה תִרְאוּ אִישׁ מִשְׁתַּגֵּעַ לָמָּה תָּבִיאוּ אֹתוֹ אֵלָי׃ חֲסַר טז
מְשֻׁגָּעִים אָנִי כִּי־הֲבֵאתֶם אֶת־זֶה לְהִשְׁתַּגֵּעַ עָלָי הֲזֶה
יָבוֹא אֶל־בֵּיתִי׃

כב

וַיֵּלֶךְ דָּוִד מִשָּׁם וַיִּמָּלֵט אֶל־מְעָרַת עֲדֻלָּם וַיִּשְׁמְעוּ אֶחָיו א
וְכָל־בֵּית אָבִיו וַיֵּרְדוּ אֵלָיו שָׁמָּה׃ וַיִּתְקַבְּצוּ אֵלָיו כָּל־ ב
אִישׁ מָצוֹק וְכָל־אִישׁ אֲשֶׁר־לוֹ נֹשֶׁא וְכָל־אִישׁ מַר־נֶפֶשׁ
וַיְהִי עֲלֵיהֶם לְשָׂר וַיִּהְיוּ עִמּוֹ כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ׃ וַיֵּלֶךְ ג
דָּוִד מִשָּׁם מִצְפֵּה מוֹאָב וַיֹּאמֶר ׀ אֶל־מֶלֶךְ מוֹאָב יֵצֵא־
נָא אָבִי וְאִמִּי אִתְּכֶם עַד אֲשֶׁר אֵדַע מַה־יַּעֲשֶׂה־לִּי
אֱלֹהִים׃ וַיַּנְחֵם אֶת־פְּנֵי מֶלֶךְ מוֹאָב וַיֵּשְׁבוּ עִמּוֹ כָּל־יְמֵי ד
הֱיוֹת־דָּוִד בַּמְּצוּדָה׃ וַיֹּאמֶר גָּד הַנָּבִיא אֶל־דָּוִד לֹא תֵשֵׁב ה
בַּמְּצוּדָה לֵךְ וּבָאתָ־לְּךָ אֶרֶץ יְהוּדָה וַיֵּלֶךְ דָּוִד וַיָּבֹא יַעַר
חָרֶת׃ וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל כִּי נוֹדַע דָּוִד וַאֲנָשִׁים אֲשֶׁר ו
אִתּוֹ וְשָׁאוּל יוֹשֵׁב בַּגִּבְעָה תַּחַת־הָאֶשֶׁל בָּרָמָה וַחֲנִיתוֹ
בְיָדוֹ וְכָל־עֲבָדָיו נִצָּבִים עָלָיו׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לַעֲבָדָיו ז
הַנִּצָּבִים עָלָיו שִׁמְעוּ־נָא בְּנֵי יְמִינִי גַּם־לְכֻלְּכֶם יִתֵּן בֶּן־
יִשַׁי שָׂדוֹת וּכְרָמִים לְכֻלְּכֶם יָשִׂים שָׂרֵי אֲלָפִים וְשָׂרֵי
מֵאוֹת׃ כִּי קְשַׁרְתֶּם כֻּלְּכֶם עָלַי וְאֵין־גֹּלֶה אֶת־אָזְנִי בִּכְרָת־ ח
בְּנִי עִם־בֶּן־יִשַׁי וְאֵין־חֹלֶה מִכֶּם עָלַי וְגֹלֶה אֶת־אָזְנִי כִּי
הֵקִים בְּנִי אֶת־עַבְדִּי עָלַי לְאֹרֵב כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וַיַּעַן ט
דֹּאֵג הָאֲדֹמִי וְהוּא נִצָּב עַל־עַבְדֵי־שָׁאוּל וַיֹּאמֶר רָאִיתִי
אֶת־בֶּן־יִשַׁי בָּא נֹבֶה אֶל־אֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֲחִטוּב׃ וַיִּשְׁאַל־לוֹ י
בַּיהוָה וְצֵידָה נָתַן לוֹ וְאֵת חֶרֶב גָּלְיָת הַפְּלִשְׁתִּי נָתַן לוֹ׃

כא, יג׳ פתח בס״פ   כב, ה׳ נ״א אל־ארץ

אָכיש דעם מלך פון גַת. 14 האָט ער געביטן זיין שכל פאַר זייערע אויגן, און האָט זיך משוגע געמאַכט פאַר זיי, און האָט געצייכנט אויף די טירן פון טויער, און געלאָזט רינען זיין שפּייעכץ אויף זיין באָרד. 15 האָט אָכיש געזאָגט צו זיינע קנעכט: אַז איר זעט אַ מענטש איז משוגע, נאָך וואָס ברענגט איר אים צו מיר? 16 צי פעלן מיר משוגעים, וואָס איר האָט מיר געבראַכט דעמדאָזיקן צו זיין משוגע ביי מיר? זאָל דערדאָזיקער קומען אין מיין הויז?

## כב

1 און דוד איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן, און איז אַנטרונען געוואָרן צו דער הייל פון עֲדולָם. האָבן דערהערט זיינע ברידער און דאָס גאַנצע הויז פון זיין פאָטער, און זיי האָבן אַראָפּגענידערט אַהין צו אים.

2 און עס האָבן זיך אויפגעקליבן צו אים ווו נאָר אַ מענטש אַ געדריקטער, און ווו נאָר אַ מענטש וואָס האָט אַ בעל־חוב, און ווו נאָר אַ מענטש מיט אַ ביטער געמיט; און ער איז געוואָרן פאַר אַ הויפּטמאַן איבער זיי. און עס זיינען געווען מיט אים אַרום פיר הונדערט מאַן.

3 און דוד איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן קיין מִצפֵּה־מואָב, און ער האָט געזאָגט צום מלך פון מואָב: זאָל, איך בעט דיך, אַרויסקומען מיין פאָטער און מיין מוטער צו זיין ביי אַייך, ביז וואַנען איך וועל וויסן וואָס גאָט וועט טאָן מיט מיר.

4 און ער האָט זיי געבראַכט צו פירן פאַר דעם מלך פון מואָב, און זיי זיינען געזעסן ביי אים אַלע טעג וואָס דוד איז געווען אין דער באַרגפעסטונג.

5 און גָד דער נביא האָט געזאָגט צו דודן: זאָלסט ניט זיצן אין דער באַרגפעסטונג; קום, און זאָלסט גיין אין לאַנד יהודה. איז דוד געגאַנגען, און ער איז געקומען אין וואַלד חֶרֶת.

6 האָט געהערט שָאול, אַז דוד און די מענטשן וואָס מיט אים זיינען אויסגעפונען געוואָרן; און שָאול איז געזעסן אין גִבעָה, אונטער דעם טאַמאַריסקנבוים אין רָמָה, מיט זיין שפּיז אין זיין האַנט; און אַלע זיינע קנעכט זיינען געשטאַנען לעבן אים. 7 האָט שָאול געזאָגט צו זיינע קנעכט וואָס זיינען געשטאַנען אַרום אים: הערט אַקאָרשט, איר בנימינער, וועט דען דער זון פון יִשַי אַייך אַלעמען געבן פעלדער און וויינגערטנער, וועט ער אַייך אַלעמען מאַכן פאַר הויפּט־לייט פון טויזנט, און הויפּטלייט פון הונדערט, 8 וואָס איר האָט אַלע געמאַכט אַ בונט אויף מיר, און קיינער אַנטפּלעקט ניט מיין אויער, ווען מיין זון שליסט אַ בונד מיט דעם זון פון יִשַי, און קיינער ניט פון אַייך קימערט זיך אום מיר און אַנטפּלעקט מיין אויער, אַז מיין זון האָט אָנגעשטעלט מיין קנעכט אויף מיר פאַר אַ לויערער, אַזוי ווי היינטיקן טאָג? 9 האָט זיך אָפּגערופן דואֵג דער אַדומי, וואָס איז געשטאַנען מיט די קנעכט פון שָאולן, און ער האָט געזאָגט: איך האָב געזען דעם זון פון יִשַי קומען קיין נוב צו אַחימֶלֶך דעם זון פון אַחיטובן. 10 און ער האָט געפרעגט פאַר אים ביי גאָט; אויך צערונג האָט ער אים געגעבן, און די שווערד פון גָלִיָת דעם פּלִשתּי האָט ער אים געגעבן.

11 האָט דער מלך געשיקט רופֿן אחימֶלך דעם זון
פֿון אחיטוב דעם כּהן, און דאָס גאַנצע הויז פֿון זײַן
פֿאָטער, די כּהנים וואָס אין נוב; און זײ זײַנען אַלע גע־
קומען צום מלך. 12 האָט שאול געזאָגט: הער אַקאָרשט,
דו זון פֿון אחיטובן. האָט ער געזאָגט: דאָ בין איך, מײַן
האַר. 13 האָט שאול צו אים געזאָגט: פֿאַרוואָס האָט איר
געמאַכט אַ בונט אויף מיר, דו און דער זון פֿון ישַין, ווען
דו האָסט אים געגעבן ברויט און אַ שווערד, און געפֿרעגט
פֿאַר אים בײַ גאָט, כּדי ער זאָל אויפֿשטײן קעגן מיר פֿאַר
אַ לויערער, אַזוי ווי הײַנטיקן טאָג? 14 האָט אחימֶלך גע־
ענטפֿערט דעם מלך, און האָט געזאָגט: און ווער צווישן
אַלע דײַנע קנעכט איז באַגלויבט ווי דוד, וואָס איז דעם
מלכס אײדים, און דער האַר איבער דײַן לײבוואַך, און
אָנגעזען אין דײַן הויז? 15 האָב איך דען הײַנט אָנגעהויבן
פֿרעגן פֿאַר אים בײַ גאָט? באַהיט זאָל איך זײַן! זאָל דער
מלך ניט אַרויפֿלײגן אַ חשד אויף זײַן קנעכט, אויף דעם
גאַנצן הויז פֿון מײַן פֿאָטער, וואָרום דײַן קנעכט האָט פֿון
דעם אַלעם ניט געוווּסט קײן זאַך, קלײן אָדער גרויס.
16 האָט דער מלך געזאָגט: שטאַרבן מוזטו שטאַרבן,
אחימֶלך, דו און דאָס גאַנצע הויז פֿון דײַן פֿאָטער.
17 און דער מלך האָט געזאָגט צו די לויפֿערס וואָס
זײַנען געשטאַנען לעבן אים: דרײט אײַך אום, און טײט
די כּהנים פֿון גאָט, ווײל אויך זײער האַנט איז געווען מיט
דודן, און ווײל זײ האָבן געוווּסט אַז ער אַנטלויפֿט, און האָבן ניט אַנטפּלעקט מײַן אויער. אָבער די קנעכט פֿון
מלך האָבן ניט געוואָלט אויסשטרעקן זײער האַנט אָנצופֿאַלן אויף די כּהנים פֿון גאָט. 18 האָט דער מלך געזאָגט
צו דואָגן: דרײ זיך דו אום, און פֿאַל־צו אויף די כּהנים. האָט דואָג דער אדומי זיך אומגעדרײט, און ער איז אָנגע־
פֿאַלן אויף די כּהנים, און האָט געטײט אין יענעם טאָג פֿינף און אַכציק מאַן וואָס האָבן געטראָגן אַ לײנענעם אפֿוד.
19 און נוב די שטאָט פֿון די כּהנים האָט ער געשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד, פֿון אַ מאַן און ביז אַ פֿרוי, פֿון אַ קינד
און ביז אַ זויגעדיקן, און אַן אָקס און אַן אײזל און אַ שעפּס, מיטן שאַרף פֿון שווערד.
20 און אײן זון פֿון אחימֶלך דעם זון פֿון אחיטובן, וואָס זײַן נאָמען איז געווען אֶביָתר, איז אַנטרונען געוואָרן, און איז
אַנטלאָפֿן נאָך דודן. 21 און אֶביָתר האָט דערצײלט דודן, אַז שאול האָט געהרגעט די כּהנים פֿון גאָט. 22 האָט דוד גע־
זאָגט צו אֶביָתרן: איך האָב געוווּסט אין יענעם טאָג, אויב דואָג דער אדומי איז דאָרטן, אַז דערצײלן וועט ער דער־
צײלן שאולן. איך בין געווען די סיבה אין דעם טויט פֿון אַלע נפֿשות פֿון דײַן פֿאָטערס הויז. 23 זיץ בײַ מיר, זאָלסט ניט
מורא האָבן; וואָרום נאָר דער וואָס וועט זוכן מײַן לעבן, וועט זוכן דײַן לעבן; ווײל אָפּגעהיט וועסטו זײַן בײַ מיר.

יא וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ לִקְרֹא אֶת־אֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֲחִיטוּב הַכֹּהֵן וְאֵת
כָּל־בֵּית אָבִיו הַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר בְּנֹב וַיָּבֹאוּ כֻלָּם אֶל־הַמֶּלֶךְ׃
יב וַיֹּאמֶר שָׁאוּל שְׁמַע־נָא בֶּן־אֲחִיטוּב וַיֹּאמֶר הִנְנִי אֲדֹנִי׃
יג וַיֹּאמֶר אֵלָו שָׁאוּל לָמָּה קְשַׁרְתֶּם עָלַי אַתָּה וּבֶן־יִשָׁי בְּתִתְּךָ
לוֹ לֶחֶם וְחֶרֶב וְשָׁאוֹל לוֹ בֵּאלֹהִים לָקוּם אֵלַי לְאֹרֵב כַּיּוֹם
יד הַזֶּה׃ וַיַּעַן אֲחִימֶלֶךְ אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמַר וּמִי בְכָל־
עֲבָדֶיךָ כְּדָוִד נֶאֱמָן וַחֲתַן הַמֶּלֶךְ וְסָר אֶל־מִשְׁמַעְתֶּךָ
טו וְנִכְבָּד בְּבֵיתֶךָ׃ הַיּוֹם הַחִלֹּתִי לִשְׁאָל־לוֹ בֵאלֹהִים חָלִילָה
לִּי אַל־יָשֵׂם הַמֶּלֶךְ בְּעַבְדּוֹ דָבָר בְּכָל־בֵּית אָבִי כִּי לֹא־
טז יָדַע עַבְדְּךָ בְּכָל־זֹאת דָּבָר קָטֹן אוֹ גָדוֹל׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
יז מוֹת תָּמוּת אֲחִימֶלֶךְ אַתָּה וְכָל־בֵּית אָבִיךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
לָרָצִים הַנִּצָּבִים עָלָיו סֹבּוּ וְהָמִיתוּ ׀ כֹּהֲנֵי יְהוָה כִּי גַם־
יָדָם עִם־דָּוִד וְכִי יָדְעוּ כִּי־בֹרֵחַ הוּא וְלֹא גָלוּ אֶת־אָזְנִו
וְלֹא־אָבוּ עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ לִשְׁלֹחַ אֶת־יָדָם לִפְגֹעַ בְּכֹהֲנֵי
יח יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְדוֹיֵג סֹב אַתָּה וּפְגַע בַּכֹּהֲנִים
וַיִּסֹּב דּוֹיֵג הָאֲדֹמִי וַיִּפְגַּע הוּא בַּכֹּהֲנִים וַיָּמֶת ׀ בַּיּוֹם
יט הַהוּא שְׁמֹנִים וַחֲמִשָּׁה אִישׁ נֹשֵׂא אֵפוֹד בָּד׃ וְאֵת נֹב
עִיר־הַכֹּהֲנִים הִכָּה לְפִי־חֶרֶב מֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה מֵעוֹלֵל
כ וְעַד־יוֹנֵק וְשׁוֹר וַחֲמוֹר וָשֶׂה לְפִי־חָרֶב׃ וַיִּמָּלֵט בֵּן־אֶחָד
כא לַאֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֲחִטוּב וּשְׁמוֹ אֶבְיָתָר וַיִּבְרַח אַחֲרֵי דָוִד׃ וַיַּגֵּד
כב אֶבְיָתָר לְדָוִד כִּי הָרַג שָׁאוּל אֵת כֹּהֲנֵי יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד
לְאֶבְיָתָר יָדַעְתִּי בַּיּוֹם הַהוּא כִּי־שָׁם דּוֹיֵג הָאֲדֹמִי כִּי־הַגֵּד
כג יַגִּיד לְשָׁאוּל אָנֹכִי סַבֹּתִי בְּכָל־נֶפֶשׁ בֵּית אָבִיךָ׃ שְׁבָה
אִתִּי אַל־תִּירָא כִּי אֲשֶׁר־יְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשִׁי יְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשֶׁךָ
כִּי־מִשְׁמֶרֶת אַתָּה עִמָּדִי׃

## כג

א וַיַּגִּדוּ לְדָוִד לֵאמֹר הִנֵּה פְלִשְׁתִּים נִלְחָמִים בִּקְעִילָה

כב, יג׳ אליו ק׳  טו׳ יחיד ר׳  יז׳ אזנו ק׳  יח׳ לדואג ק׳  דואג קרי
כ׳ צרי בסמוך  כב׳ דואג קרי

## כג

1 האָט מען אָנגעזאָגט דודן, אַזוי צו זאָגן: זע, די פּלשתּים האַלטן מלחמה אויף קעילה, און זײ רויבן די שײַערן.

ב וְהֵמָּה שֹׁסִים אֶת־הַגֳּרָנוֹת׃ וַיִּשְׁאַל דָּוִד בַּיהוָה לֵאמֹר
הַאֵלֵךְ וְהִכֵּיתִי בַּפְּלִשְׁתִּים הָאֵלֶּה * וַיֹּאמֶר יְהוָה
אֶל־דָּוִד לֵךְ וְהִכִּיתָ בַפְּלִשְׁתִּים וְהוֹשַׁעְתָּ אֶת־קְעִילָה׃
ג וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי דָוִד אֵלָיו הִנֵּה אֲנַחְנוּ פֹה בִּיהוּדָה יְרֵאִים
ד וְאַף כִּי־נֵלֵךְ קְעִלָה אֶל־מַעַרְכוֹת פְּלִשְׁתִּים׃ וַיּוֹסֶף
עוֹד דָּוִד לִשְׁאוֹל בַּיהוָה וַיַּעֲנֵהוּ יְהוָה וַיֹּאמֶר קוּם רֵד
ה קְעִילָה כִּי־אֲנִי נֹתֵן אֶת־פְּלִשְׁתִּים בְּיָדֶךָ׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִד וַאֲנָשָׁו
קְעִילָה וַיִּלָּחֶם בַּפְּלִשְׁתִּים וַיִּנְהַג אֶת־מִקְנֵיהֶם וַיַּךְ בָּהֶם
ו מַכָּה גְדוֹלָה וַיֹּשַׁע דָּוִד אֵת יֹשְׁבֵי קְעִילָה׃ וַיְהִי בִּבְרֹחַ
אֶבְיָתָר בֶּן־אֲחִימֶלֶךְ אֶל־דָּוִד קְעִילָה אֵפוֹד יָרַד בְּיָדוֹ׃
ז וַיֻּגַּד לְשָׁאוּל כִּי־בָא דָוִד קְעִילָה וַיֹּאמֶר שָׁאוּל נִכַּר אֹתוֹ
אֱלֹהִים בְּיָדִי כִּי נִסְגַּר לָבוֹא בְּעִיר דְּלָתַיִם וּבְרִיחַ׃
ח וַיְשַׁמַּע שָׁאוּל אֶת־כָּל־הָעָם לַמִּלְחָמָה לָרֶדֶת קְעִילָה
ט לָצוּר אֶל־דָּוִד וְאֶל־אֲנָשָׁיו׃ וַיֵּדַע דָּוִד כִּי עָלָיו שָׁאוּל
מַחֲרִישׁ הָרָעָה וַיֹּאמֶר אֶל־אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן הַגִּישָׁה הָאֵפוֹד׃
י וַיֹּאמֶר דָּוִד יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל שָׁמֹעַ שָׁמַע עַבְדְּךָ
כִּי־מְבַקֵּשׁ שָׁאוּל לָבוֹא אֶל־קְעִילָה לְשַׁחֵת לָעִיר בַּעֲבוּרִי׃
יא הֲיַסְגִּרֻנִי בַעֲלֵי קְעִילָה בְיָדוֹ הֲיֵרֵד שָׁאוּל כַּאֲשֶׁר שָׁמַע
עַבְדֶּךָ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הַגֶּד־נָא לְעַבְדֶּךָ * וַיֹּאמֶר
יב יְהוָה יֵרֵד׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד הֲיַסְגִּרוּ בַּעֲלֵי קְעִילָה אֹתִי
יג וְאֶת־אֲנָשַׁי בְּיַד שָׁאוּל וַיֹּאמֶר יְהוָה יַסְגִּירוּ׃ וַיָּקָם דָּוִד
וַאֲנָשָׁיו כְּשֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ וַיֵּצְאוּ מִקְּעִלָה וַיִּתְהַלְּכוּ בַּאֲשֶׁר
יִתְהַלָּכוּ וּלְשָׁאוּל הֻגַּד כִּי־נִמְלַט דָּוִד מִקְּעִילָה וַיֶּחְדַּל
יד לָצֵאת׃ וַיֵּשֶׁב דָּוִד בַּמִּדְבָּר בַּמְּצָדוֹת וַיֵּשֶׁב בָּהָר בְּמִדְבַּר־
זִיף וַיְבַקְשֵׁהוּ שָׁאוּל כָּל־הַיָּמִים וְלֹא־נְתָנוֹ אֱלֹהִים בְּיָדוֹ׃
טו וַיַּרְא דָוִד כִּי־יָצָא שָׁאוּל לְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשׁוֹ וְדָוִד בְּמִדְבַּר־
טז זִיף בַּחֹרְשָׁה׃ וַיָּקָם יְהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל וַיֵּלֶךְ אֶל־דָּוִד

ב׳ פסקא באמצע פסוק   ה׳ ואנשו ק׳   יא׳ פסקא באמצע פסוק

[2] האָט דוד געפרעגט בײַ גאָט, אַזױ צו זאָגן: זאָל איך גײן, און שלאָגן די דאָזיקע פּלשתּים? האָט גאָט געזאָגט צו דודן: גײ, און זאָלסט שלאָגן די פּלשתּים, און העלפן קעִילָה.

[3] האָבן די מענטשן פון דודן צו אים געזאָגט: זע, דאָ אין יהודה זײַנען מיר אין מורא, הײַנט װי שױן אַז מיר װעלן גײן קײן קעִילָה, אַקעגן די רײען פון די פּלשתּים?

[4] האָט דוד װידער געפרעגט בײַ גאָט, און גאָט האָט אים געענטפערט און געזאָגט: שטײ אױף, נידער אַראָפּ קײן קעִילָה, װאָרום איך גיב די פּלשתּים אין דײַן האַנט.

[5] איז געגאַנגען דוד און זײַנע מענטשן קײן קעִילָה, און האָט מלחמה געהאַלטן אױף די פּלשתּים, און אַװעקגעפירט זײערע פי, און געשלאָגן צװישן זײ אַ גרױסן שלאַק. און דוד האָט געהאָלפן די באַװױנער פון קעִילָה.

[6] און עס איז געװען, אַז אֶבְיָתָר דער זון פון אַחימֶלֶכן איז אַנטלאָפן צו דודן קײן קעִילָה, האָט ער אַראָפּגענידערט מיטן אֵפוד אין זײַן האַנט.

[7] איז אָנגעזאָגט געװאָרן שָׁאולן, אַז דוד איז געקומען קײן קעִילָה, און שָׁאול האָט געזאָגט: גאָט האָט אים איבערגעענטפערט אין מײַן האַנט, װאָרום ער האָט זיך אַלײן אײַנגעשלאָסן דורך קומען אין אַ שטאָט מיט טירן און ריגלען. [8] און שָׁאול האָט צונױפגערופן דאָס גאַנצע פאָלק אױף מלחמה, צו נידערן אױף קעִילָה, צו לעגערן אױף דודן און אױף זײַנע מענטשן.

[9] האָט דוד זיך דערװוּסט, אַז שָׁאול טראַכט קעגן אים שלעכטס, און ער האָט געזאָגט צו אֶבְיָתָר דעם כֹּהן: גענען דעם אֵפוד. [10] און דוד האָט געזאָגט: יהוה דו גאָט פון ישׂראל, הערן האָט געהערט דײַן קנעכט, אַז שָׁאול װיל קומען קײן קעִילָה, צו צעשטערן די שטאָט פון מײַנעטװעגן. [11] װעלן די מענער פון קעִילָה מיך איבערענטפערן אין זײַן האַנט? װעט שָׁאול אַראָפּנידערן, אַזױ װי דײַן קנעכט האָט געהערט? יהוה דו גאָט פון ישׂראל, זאָג, איך בעט דיך, צו דײַן קנעכט. האָט גאָט געזאָגט: ער װעט אַראָפּנידערן. [12] האָט דוד געזאָגט: װעלן די מענער פון קעִילָה איבערענטפערן מיך און מײַנע מענטשן אין דער האַנט פון שָׁאולן? האָט גאָט געזאָגט: זײ װעלן איבערענטפערן.

[13] איז דוד אױפגעשטאַנען מיט זײַנע מענטשן, אַרום זעקס הונדערט מאַן, און זײ זײַנען אַרױס פון קעִילָה, און זײַנען געגאַנגען װו זײ האָט זיך געמאַכט.

איז שָׁאולן אָנגעזאָגט געװאָרן, אַז דוד איז אַנטרונען געװאָרן פון קעִילָה; און ער האָט זיך פאַרמיטן פון אַרױסצוגײן.

[14] און דוד איז געזעסן אין מדבר, אין די פעסטונגען; און ער איז געזעסן אױפן באַרג אין מדבר זיף. און שָׁאול האָט אַלע טאָג געזוכט, אָבער גאָט האָט אים ניט געגעבן אין זײַן האַנט. [15] און דוד האָט געזען, אַז שָׁאול איז אַרױסגעגאַנגען זוכן זײַן לעבן; און דוד איז געװען אין מדבר זיף, אין חורשה.

[16] און יהוֹנָתָן דער זון פון שָׁאולן איז אױפגעשטאַנען, און איז געגאַנגען צו דודן קײן חורשה, און ער האָט

יז חֹרְשָׁה וַיְחַזֵּק אֶת־יָדוֹ בֵּאלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַל־תִּירָא
כִּי לֹא תִמְצָאֲךָ יַד־שָׁאוּל אָבִי וְאַתָּה תִּמְלֹךְ עַל־יִשְׂרָאֵל
יח וְאָנֹכִי אֶהְיֶה־לְּךָ לְמִשְׁנֶה וְגַם־שָׁאוּל אָבִי יֹדֵעַ כֵּן׃ וַיִּכְרְתוּ
שְׁנֵיהֶם בְּרִית לִפְנֵי יְהוָה וַיֵּשֶׁב דָּוִד בַּחֹרְשָׁה וִיהוֹנָתָן
יט הָלַךְ לְבֵיתוֹ׃ וַיַּעֲלוּ זִפִים אֶל־שָׁאוּל הַגִּבְעָתָה
לֵאמֹר הֲלוֹא דָוִד מִסְתַּתֵּר עִמָּנוּ בַמְּצָדוֹת בַּחֹרְשָׁה
כ בְּגִבְעַת הַחֲכִילָה אֲשֶׁר מִימִין הַיְשִׁימוֹן׃ וְעַתָּה לְכָל־אַוַּת
כא נַפְשְׁךָ הַמֶּלֶךְ לָרֶדֶת רֵד וְלָנוּ הַסְגִּירוֹ בְּיַד הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר
כב שָׁאוּל בְּרוּכִים אַתֶּם לַיהוָה כִּי חֲמַלְתֶּם עָלָי׃ לְכוּ־נָא
הָכִינוּ עוֹד וּדְעוּ וּרְאוּ אֶת־מְקוֹמוֹ אֲשֶׁר תִּהְיֶה רַגְלוֹ מִי
כג רָאָהוּ שָׁם כִּי אָמַר אֵלַי עָרוֹם יַעְרִם הוּא׃ וּרְאוּ וּדְעוּ מִכֹּל
הַמַּחֲבֹאִים אֲשֶׁר יִתְחַבֵּא שָׁם וְשַׁבְתֶּם אֵלַי אֶל־נָכוֹן
וְהָלַכְתִּי אִתְּכֶם וְהָיָה אִם־יֶשְׁנוֹ בָאָרֶץ וְחִפַּשְׂתִּי אֹתוֹ בְּכֹל
כד אַלְפֵי יְהוּדָה׃ וַיָּקוּמוּ וַיֵּלְכוּ זִיפָה לִפְנֵי שָׁאוּל וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו
כה בְּמִדְבַּר מָעוֹן בָּעֲרָבָה אֶל יְמִין הַיְשִׁימוֹן׃ וַיֵּלֶךְ שָׁאוּל
וַאֲנָשָׁיו לְבַקֵּשׁ וַיַּגִּדוּ לְדָוִד וַיֵּרֶד הַסֶּלַע וַיֵּשֶׁב בְּמִדְבַּר
מָעוֹן וַיִּשְׁמַע שָׁאוּל וַיִּרְדֹּף אַחֲרֵי־דָוִד מִדְבַּר מָעוֹן׃
כו וַיֵּלֶךְ שָׁאוּל מִצַּד הָהָר מִזֶּה וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו מִצַּד הָהָר מִזֶּה
וַיְהִי דָוִד נֶחְפָּז לָלֶכֶת מִפְּנֵי שָׁאוּל וְשָׁאוּל וַאֲנָשָׁיו עֹטְרִים
כז אֶל־דָּוִד וְאֶל־אֲנָשָׁיו לְתָפְשָׂם׃ וּמַלְאָךְ בָּא אֶל־שָׁאוּל
כח לֵאמֹר מַהֲרָה וְלֵכָה כִּי־פָשְׁטוּ פְלִשְׁתִּים עַל־הָאָרֶץ׃ וַיָּשָׁב
שָׁאוּל מִרְדֹף אַחֲרֵי דָוִד וַיֵּלֶךְ לִקְרַאת פְּלִשְׁתִּים עַל־כֵּן
כט קָרְאוּ לַמָּקוֹם הַהוּא סֶלַע הַמַּחְלְקוֹת׃ * וַיַּעַל דָּוִד מִשָּׁם
וַיֵּשֶׁב בִּמְצָדוֹת עֵין־גֶּדִי׃

## כד

א וַיְהִי כַּאֲשֶׁר שָׁב שָׁאוּל מֵאַחֲרֵי פְּלִשְׁתִּים וַיַּגִּדוּ לוֹ לֵאמֹר
ב הִנֵּה דָוִד בְּמִדְבַּר עֵין גֶּדִי׃ וַיִּקַּח שָׁאוּל שְׁלֹשֶׁת

כג, כה׳ כא לְבַקֵּשׁ אֶת־דָּוִד    כט׳ בבא כאן תחלת סימן כ״ד

געשטאַרקט זיין האַנט אין גאָט. 17 און ער האָט צו אים געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרום די האַנט פון מיין פאָטער שָאולן וועט דיך ניט געפינען, און דו וועסט קיניגן איבער ישראל, און איך וועל דיר זיין פאַר אַ שֵני־למלך; און אויך מיין פאָטער שָאול ווייס דאָס.

18 און זיי האָבן ביידע געשלאָסן אַ בונד פאַר גאָט; און דוד איז געבליבן אין חורשָה, און יהונָתָן איז אַוועק געגאַנגען צו זיין הויז.

19 און די זיפער זיינען אַרויפגעגאַנגען צו שָאולן קיין גִבעָה, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָר, דוד באַהאַלט זיך ביי אונדז אין די פעסטונגען אין חורשָה, אויפן בערגל חֲכילָה וואָס רעכטס פון ישימון. 20 און אַצונד, מלך, ווען נאָר דיין האַרץ געלוסט אַראָפצונידערן, נידער אַראָפ, און אויף אונדז איז אים איבערצוענטפערן אין דער האַנט פון מלך. 21 האָט שָאול געזאָגט: געבענטשט זאָלט איר זיין פון גאָט, וואָס איר האָט אַייך דערבאַרימט אויף מיר. 22 גייט, איך בעט אַייך, פאַסט ווידער אויף, און ווערט געוואָר, און מערקט זיין אָרט ווו זיין פוס איז, ווער עס האָט אים דאָרטן געזען; וואָרום מע האָט מיר געזאָגט, ער איז זייער ליסטיק. 23 דרום זעט, און ווערט געוואָר אַלע באַהעלטענישן וואָס ער באַהאַלט זיך דאָרטן, און איר זאָלט זיך אומקערן צו מיר מיט זיכערן, און איך וועל גיין מיט אַייך; און עס וועט זיין, אויב ער איז אין לאַנד, וועל איך אים אַרומזוכן צווישן אַלע טויזנטן פון יהודה.

24 זיינען זיי אויפגעשטאַנען און זיינען געגאַנגען קיין זיף פאַרויס פאַר שָאולן. און דוד און זיינע מענטשן זיינען געווען אין מדבר מָעון, אין דעם פלוין, רעכטס פון ישימון.

25 און ווי שָאול און זיינע מענטשן זיינען געגאַנגען זוכן, אַזוי האָט מען אָנגעזאָגט דודן, און ער האָט אַראָפגענידערט צום פעלז, און האָט זיך באַזעצט אין מדבר מָעון. האָט שָאול דערהערט, און ער האָט נאָכגעיאָגט דודן אין מדבר מָעון. 26 און שָאול איז געגאַנגען פון דער זייט באַרג, און דוד און זיינע מענטשן פון דער אַנדער זייט באַרג; און דוד האָט זיך געאיילט אַוועקצוגיין פון שָאולן, און שָאול און זיינע מענטשן האָבן אַרומגערינגלט דודן און זיינע מענטשן זיי צו כאַפּן. 27 איז אָנגעקומען אַ שליח צו שָאולן, אַזוי צו זאָגן: אַייל זיך און קום, וואָרום די פלשתים זיינען אָנגעפאַלן אויפן לאַנד. 28 האָט שָאול זיך אומגעקערט פון נאָכיאָגן דודן, און ער איז געגאַנגען אַקעגן די פלשתים. דעריבער האָט מען גערופן יענעם אָרט סֶלַע־הַמַחלְקותא.

# כד

1 און דוד איז אַרויפגעגאַנגען פון דאָרטן, און האָט זיך באַזעצט אין די באַרגפעסטונגען פון עֵין־גֶדי.
2 און עס איז געווען, אַז שָאול האָט זיך אומגעקערט פון הינטער די פלשתים, האָט מען אים אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זע, דוד איז אין מדבר פון עֵין־גֶדי. 3 האָט שָאול גענומען דריי טויזנט געקליבענע

א פעלז פון צעטיילונג.

אַלְפַּיִם אִישׁ בָּחוּר מִכָּל־יִשְׂרָאֵל וַיֵּלֶךְ לְבַקֵּשׁ אֶת־דָּוִד
וַאֲנָשָׁיו עַל־פְּנֵי צוּרֵי הַיְּעֵלִים׃ וַיָּבֹא אֶל־גִּדְרוֹת הַצֹּאן ג
עַל־הַדֶּרֶךְ וְשָׁם מְעָרָה וַיָּבֹא שָׁאוּל לְהָסֵךְ אֶת־רַגְלָיו
וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו בְּיַרְכְּתֵי הַמְּעָרָה יֹשְׁבִים׃ וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי ד
דָוִד אֵלָיו הִנֵּה הַיּוֹם אֲשֶׁר־אָמַר יְהוָה אֵלֶיךָ הִנֵּה אָנֹכִי
נֹתֵן אֶת־אֹיִבְךָ בְּיָדֶךָ וְעָשִׂיתָ לּוֹ כַּאֲשֶׁר יִטַב בְּעֵינֶיךָ
וַיָּקָם דָּוִד וַיִּכְרֹת אֶת־כְּנַף־הַמְּעִיל אֲשֶׁר־לְשָׁאוּל בַּלָּט׃
וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיַּךְ לֵב־דָּוִד אֹתוֹ עַל אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־כָּנָף ה
אֲשֶׁר לְשָׁאוּל׃ וַיֹּאמֶר לַאֲנָשָׁיו חָלִילָה לִּי מֵיְהוָה אִם־ ו
אֶעֱשֶׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה לַאדֹנִי לִמְשִׁיחַ יְהוָה לִשְׁלֹחַ יָדִי
בּוֹ כִּי־מְשִׁיחַ יְהוָה הוּא׃ וַיְשַׁסַּע דָּוִד אֶת־אֲנָשָׁיו בַּדְּבָרִים ז
וְלֹא נְתָנָם לָקוּם אֶל־שָׁאוּל וְשָׁאוּל קָם מֵהַמְּעָרָה וַיֵּלֶךְ
בַּדָּרֶךְ׃ וַיָּקָם דָּוִד אַחֲרֵי־כֵן וַיֵּצֵא מִן הַמְּעָרָה ח
וַיִּקְרָא אַחֲרֵי־שָׁאוּל לֵאמֹר אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַיַּבֵּט שָׁאוּל
אַחֲרָיו וַיִּקֹּד דָּוִד אַפַּיִם אַרְצָה וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד ט
לְשָׁאוּל לָמָּה תִשְׁמַע אֶת־דִּבְרֵי אָדָם לֵאמֹר הִנֵּה דָוִד
מְבַקֵּשׁ רָעָתֶךָ׃ הִנֵּה הַיּוֹם הַזֶּה רָאוּ עֵינֶיךָ אֵת אֲשֶׁר־ י
נְתָנְךָ יְהוָה ׀ הַיּוֹם ׀ בְּיָדִי בַּמְּעָרָה וְאָמַר לַהֲרָגְךָ וַתָּחָס עָלֶיךָ
וָאֹמַר לֹא־אֶשְׁלַח יָדִי בַּאדֹנִי כִּי־מְשִׁיחַ יְהוָה הוּא׃ וְאָבִי יא
רְאֵה גַּם רְאֵה אֶת־כְּנַף מְעִילְךָ בְּיָדִי כִּי בְּכָרְתִי אֶת־כְּנַף
מְעִילְךָ וְלֹא הֲרַגְתִּיךָ דַּע וּרְאֵה כִּי אֵין בְּיָדִי רָעָה וָפֶשַׁע
וְלֹא־חָטָאתִי לָךְ וְאַתָּה צֹדֶה אֶת־נַפְשִׁי לְקַחְתָּהּ׃ יִשְׁפֹּט יב
יְהוָה בֵּינִי וּבֵינֶךָ וּנְקָמַנִי יְהוָה מִמֶּךָּ וְיָדִי לֹא תִהְיֶה־בָּךְ׃
כַּאֲשֶׁר יֹאמַר מְשַׁל הַקַּדְמֹנִי מֵרְשָׁעִים יֵצֵא רֶשַׁע וְיָדִי לֹא יג
תִהְיֶה־בָּךְ׃ אַחֲרֵי מִי יָצָא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אַחֲרֵי מִי אַתָּה יד
רֹדֵף אַחֲרֵי כֶּלֶב מֵת אַחֲרֵי פַּרְעֹשׁ אֶחָד׃ וְהָיָה יְהוָה טו
לְדַיָּן וְשָׁפַט בֵּינִי וּבֵינֶךָ וְיֵרֶא וְיָרֵב אֶת־רִיבִי וְיִשְׁפְּטֵנִי

ד׳ יתיר י · ח׳ מהמערה קרי

מענער פון גאַנץ ישׂראל, און ער איז געגאַנגען זוכן דודן מיט זיינע מענטשן אויף די שטיינבעקפעלזן. [4] און ער איז געקומען צו די שאָפגעהעפטן ביים וועג, און דאָרטן איז געווען אַ הייל; איז שָאול אַריינגעגאַנגען אויף זיין באַדערפענישא. און דוד און זיינע מענטשן זיינען געזעסן אין די ווינקלען פון דער הייל. [5] האָבן די מענטשן פון דודן צו אים געזאָגט: זע, דאָס איז דער טאָג, וואָס גאָט האָט דיר אָנגעזאָגט: זע, איך גיב דיין שׂונא אין דיין האַנט, און וועסט טאָן צו אים אַזוי ווי עס וועט זיין גוט אין דיינע אויגן.

איז דוד אויפגעשטאַנען, און האָט אָפגעשניטן דעם ברעג פון שָאולס מאַנטל שטילערהייט.

[6] און עס איז געווען נאָך דעם, האָט דודס האַרץ אים געפּלאָגט פאַרוואָס ער האָט אָפגעשניטן דעם ברעג פון שָאולן. [7] און ער האָט געזאָגט צו זיינע מענטשן: באַהיט זאָל איך ווערן פון גאָט, אַז איך זאָל טאָן דיזאָיקע זאַך צו מיין האַר, צום געזאַלבטן פון גאָט, אויסצושטרעקן מיין האַנט אויף אים, וואָרום דער געזאַלבטער פון גאָט איז ער. [8] און דוד האָט אָפגעהאַקט זיינע מענטשן מיט די ווערטער, און ער האָט זיי ניט געלאָזן אויפשטיין אַקעגן שָאולן. און שָאול איז אויפגעשטאַנען פון דער הייל, און איז געגאַנגען אין וועג.

[9] איז דוד דערנאָך אויפגעשטאַנען, און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דער הייל, און ער האָט נאָכגערופן שָאולן, אַזוי צו זאָגן: מיין האַר מלך! האָט שָאול זיך אומגעקוקט הינטער זיך, און דוד האָט זיך געבייגט מיטן פּנים צו דער ערד, און זיך געבוקט. [10] און דוד האָט געזאָגט צו שָאולן: פאַרוואָס הערסטו צו די רייד פון אַ מענטשן, אַזוי צו זאָגן: זע, דוד זוכט דיר שלעכטס? [11] אָט האָבן היינטיקן טאָג דיינע אויגן געזען, אַז גאָט האָט דיך געגעבן אין מיין האַנט אין דער הייל; און מע האָט גערעדט דיך צו הרגען, אָבער [מיין אויג] האָט דיך געשוינט, און איך האָב געזאָגט: איך וועל ניט אויסשטרעקן מיין האַנט אויף מיין האַר, וואָרום דער געזאַלבטער פון גאָט איז ער. [12] און זע, מיין פאָטער, אַדרבה זע דעם ברעג פון דיין מאַנטל אין מיין האַנט; וואָרום אַז איך האָב אָפגעשניטן דעם ברעג פון דיין מאַנטל, און האָב דיך ניט געהרגעט, פאַרשטיי און זע, אַז אין מיין האַנט איז ניטאָ קיין בייז און קיין פאַרברעך, און איך האָב ניט געזינדיקט קעגן דיר; און דו לויערסט מיין לעבן צו נעמען. [13] זאָל גאָט משפּטן צווישן מיר און צווישן דיר, און זאָל גאָט זיך פאַר מיר נוקם זיין אָן דיר; אָבער מיין האַנט זאָל ניט זיין אויף דיר. [14] אַזוי ווי דאָס שפּריכוואָרט פון די פאַרצייטיקע זאָגט: פון שלעכטע קומט אַרויס שלעכטס; אָבער מיין האַנט זאָל ניט זיין אויף דיר. [15] נאָך וועמען איז אַרויסגעגאַנגען דער מלך פון ישׂראל? נאָך וועמען יאָגסטו זיך? נאָך אַ טויטן הונט, נאָך אַן איינציקער פלוי? [16] און זאָל גאָט זיין צום דיַין, און משפּטן צווישן מיר און צווישן דיר, און זען, און קריגן מיין קריג, און מיך העלפן פון דיין האַנט.

א אין טעקסט: לְהָסֵךְ אֶת רַגְלָיו, צו פאַרדעקן זיינע פיס.

[17] און עס איז געווען, ווי דוד האָט געענדיקט רעדן
דידאָזיקע רייד צו שָאולן, אַזוי האָט שָאול געזאָגט: איז
דאָס דיין קָול, דוד מיין זון? און שָאול האָט אויפגעהויבן
זיין קָול, און האָט געוויינט. [18] און ער האָט געזאָגט צו
דודן: דו ביסט גערעכטער פון מיר, וואָרום דו האָסט
מיר געטאָן גוטס, און איך האָב דיר אָפּגעטאָן שלעכטס.
[19] און דו האָסט באַוויזן היינט ווי דו האָסט גוטס געטאָן
מיט מיר, ווען גאָט האָט מיך איבערגעענטפערט אין דיין
האַנט, און דו האָסט מיך ניט געהרגעט. [20] און ווער דען
געפינט זיין פיינט, און לאָזט אים גיין מיט אַ גוטן
וועג? דרום זאָל דיר גאָט אָפּצאָלן גוטס פאַר וואָס דו האָסט
מיר געטאָן היינטיקן טאָג. [21] און אַצונד, זע, איך ווייס אַז
קיניגן וועסטו קיניגן, און אין דיין האַנט וועט זיך אָפּשטעלן
די מלוכה פון ישראל. [22] דרום שווער מיר אַצונד ביי
גאָט, אויב דו וועסט פאַרשניידן מיין זאָמען נאָך מיר, און
אויב דו וועסט פאַרטיליקן מיין נאָמען פון מיין פאָטערס
הויז.

[23] האָט דוד געשוואָרן שָאולן; און שָאול איז אַוועק
געגאַנגען צו זיין הויז, און דוד און זיינע מענטשן זיינען
אַרויפגעגאַנגען אויף דער באַרגפעסטונג.

כה [1] און שמואל איז געשטאָרבן, און גאַנץ ישראל
האָבן זיך איינגעזאַמלט, און האָבן אים באַ־
קלאָגט; און זיי האָבן אים באַגראָבן אין זיין היים אין רָמָה.
און דוד איז אויפגעשטאַנען, און האָט אַראָפּגענידערט צום מדבר פּאָרָן.
[2] און אין מָעוֹן איז געווען אַ מאַן, וואָס זיין ווירטשאַפט איז געווען אין כַּרמֶל. און דער מאַן איז געווען
זייער רייך, און ער האָט געהאַט דריי טויזנט שאָף, און טויזנט ציגן; און ער איז געווען ביים שערן פון זיינע שאָף אין
כַּרמֶל. [3] און דער נאָמען פון דעם מאַן איז געווען נָבָל, און דער נאָמען פון זיין ווייב אַביגַיִל. און די פרוי איז געווען
ווילפאַרשטאַנדיק און שיין אין געשטאַלט; אָבער דער מאַן איז געווען האַרט און שלעכט אין מעשים; און ער איז גע־
ווען פון כָּלֵבס משפחה.
[4] האָט דוד געהערט אין מדבר אַז נָבָל שערט זיינע שאָף. [5] און דוד האָט געשיקט צען יונגען, און דוד האָט געזאָגט צו
די יונגען: גייט אַרויף קיין כַּרמֶל, און קומט צו נָבָלן און פרעגט אים אין מיין נאָמען אויף פריד. [6] און אַזוי זאָלט איר זאָגן:
צום לעבן! און פריד צו דיר, און פריד צו דיין הויז, און פריד צו אַלץ וואָס איז דיינס! [7] און אַצונד האָב איך געהערט, אַז
מע שערט ביי דיר; אַצונד: די פּאַסטוכער וואָס ביי דיר זיינען געווען מיט אונדז; ניט מיר האָבן זיי געקריוודעט, און ניט
ביי זיי איז עפּעס געמינערט געוואָרן אַלע טעג וואָס זיי זיינען געווען אין כַּרמֶל—[8] פרעג דיינע יונגען, און זיי וועלן דיר דער־
ציילן—טאָ זאָלן די יונגען געפינען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן; וואָרום אין אַ גוטן טאָג זיינען מיר געקומען. גיב, איך בעט

טו מִיָּדֶךָ׃ וַיְהִי ׀ כְּכַלּוֹת דָּוִד לְדַבֵּר אֶת־הַדְּבָרִים
הָאֵלֶּה אֶל־שָׁאוּל וַיֹּאמֶר שָׁאוּל הֲקֹלְךָ זֶה בְּנִי דָוִד וַיִּשָּׂא
יז שָׁאוּל קֹלוֹ וַיֵּבְךְּ׃ וַיֹּאמֶר אֶל־דָּוִד צַדִּיק אַתָּה מִמֶּנִּי כִּי
יח אַתָּה גְּמַלְתַּנִי הַטּוֹבָה וַאֲנִי גְּמַלְתִּיךָ הָרָעָה׃ וְאַתְּ הִגַּדְתָּ
הַיּוֹם אֵת אֲשֶׁר־עָשִׂיתָה אִתִּי טוֹבָה אֵת אֲשֶׁר סִגְּרַנִי יְהוָה
יט בְּיָדְךָ וְלֹא הֲרַגְתָּנִי׃ וְכִי־יִמְצָא אִישׁ אֶת־אֹיְבוֹ וְשִׁלְּחוֹ
בְּדֶרֶךְ טוֹבָה וַיהוָה יְשַׁלֶּמְךָ טוֹבָה תַּחַת הַיּוֹם הַזֶּה אֲשֶׁר
כ עָשִׂיתָה לִי׃ וְעַתָּה הִנֵּה יָדַעְתִּי כִּי מָלֹךְ תִּמְלוֹךְ וְקָמָה
כא בְּיָדְךָ מַמְלֶכֶת יִשְׂרָאֵל׃ וְעַתָּה הִשָּׁבְעָה לִּי בַּיהוָה אִם־
תַּכְרִית אֶת־זַרְעִי אַחֲרָי וְאִם־תַּשְׁמִיד אֶת־שְׁמִי מִבֵּית אָבִי׃
כב וַיִּשָּׁבַע דָּוִד לְשָׁאוּל וַיֵּלֶךְ שָׁאוּל אֶל־בֵּיתוֹ וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו
עָלוּ עַל־הַמְּצוּדָה׃

כה

א וַיָּמָת שְׁמוּאֵל וַיִּקָּבְצוּ כָל־יִשְׂרָאֵל וַיִּסְפְּדוּ־לוֹ וַיִּקְבְּרֻהוּ
בְּבֵיתוֹ בָּרָמָה וַיָּקָם דָּוִד וַיֵּרֶד אֶל־מִדְבַּר פָּארָן׃
ב וְאִישׁ בְּמָעוֹן וּמַעֲשֵׂהוּ בַכַּרְמֶל וְהָאִישׁ גָּדוֹל מְאֹד וְלוֹ צֹאן
שְׁלֹשֶׁת־אֲלָפִים וְאֶלֶף עִזִּים וַיְהִי בִּגְזֹז אֶת־צֹאנוֹ בַּכַּרְמֶל׃
ג וְשֵׁם הָאִישׁ נָבָל וְשֵׁם אִשְׁתּוֹ אֲבִגָיִל וְהָאִשָּׁה טוֹבַת־
שֶׂכֶל וִיפַת תֹּאַר וְהָאִישׁ קָשֶׁה וְרַע מַעֲלָלִים וְהוּא כָלִבּוֹ׃
ד ה וַיִּשְׁמַע דָּוִד בַּמִּדְבָּר כִּי־גֹזֵז נָבָל אֶת־צֹאנוֹ׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד
עֲשָׂרָה נְעָרִים וַיֹּאמֶר דָּוִד לַנְּעָרִים עֲלוּ כַרְמֶלָה וּבָאתֶם
ו אֶל־נָבָל וּשְׁאֶלְתֶּם־לוֹ בִשְׁמִי לְשָׁלוֹם׃ וַאֲמַרְתֶּם כֹּה
לֶחָי וְאַתָּה שָׁלוֹם וּבֵיתְךָ שָׁלוֹם וְכֹל אֲשֶׁר־לְךָ שָׁלוֹם׃
ז וְעַתָּה שָׁמַעְתִּי כִּי גֹזְזִים לָךְ עַתָּה הָרֹעִים אֲשֶׁר־לְךָ הָיוּ
עִמָּנוּ לֹא הֶכְלַמְנוּם וְלֹא־נִפְקַד לָהֶם מְאוּמָה כָּל־יְמֵי
ח הֱיוֹתָם בַּכַּרְמֶל׃ שְׁאַל אֶת־נְעָרֶיךָ וְיַגִּידוּ לָךְ וְיִמְצְאוּ
הַנְּעָרִים חֵן בְּעֵינֶיךָ כִּי־עַל־יוֹם טוֹב בָּנוּ תְּנָה־נָּא אֵת

כה, יח׳ ואתה ק   כב׳ כא אל   כה, ג׳ כלבי ק   ח׳ חסר אלף

אֲשֶׁר תִּמְצָא יָדְךָ לַעֲבָדֶיךָ וּלְבִנְךָ לְדָוִד׃ וַיָּבֹאוּ נַעֲרֵי דָוִד ט
וַיְדַבְּרוּ אֶל־נָבָל כְּכָל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּשֵׁם דָּוִד וַיָּנוּחוּ׃
וַיַּעַן נָבָל אֶת־עַבְדֵי דָוִד וַיֹּאמֶר מִי דָוִד וּמִי בֶן־יִשָׁי הַיּוֹם י
רַבּוּ עֲבָדִים הַמִּתְפָּרְצִים אִישׁ מִפְּנֵי אֲדֹנָיו׃ וְלָקַחְתִּי יא
אֶת־לַחְמִי וְאֶת־מֵימַי וְאֵת טִבְחָתִי אֲשֶׁר טָבַחְתִּי לְגֹזְזָי
וְנָתַתִּי לַאֲנָשִׁים אֲשֶׁר לֹא יָדַעְתִּי אֵי מִזֶּה הֵמָּה׃ וַיַּהַפְכוּ יב
נַעֲרֵי־דָוִד לְדַרְכָּם וַיָּשֻׁבוּ וַיָּבֹאוּ וַיַּגִּדוּ לוֹ כְּכֹל הַדְּבָרִים
הָאֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד לַאֲנָשָׁיו חִגְרוּ ׀ אִישׁ אֶת־חַרְבּוֹ יג
וַיַּחְגְּרוּ אִישׁ אֶת־חַרְבּוֹ וַיַּחְגֹּר גַּם־דָּוִד אֶת־חַרְבּוֹ וַיַּעֲלוּ ׀
אַחֲרֵי דָוִד כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ וּמָאתַיִם יָשְׁבוּ עַל־
הַכֵּלִים׃ וְלַאֲבִיגַיִל אֵשֶׁת נָבָל הִגִּיד נַעַר־אֶחָד מֵהַנְּעָרִים יד
לֵאמֹר הִנֵּה שָׁלַח דָּוִד מַלְאָכִים ׀ מֵהַמִּדְבָּר לְבָרֵךְ אֶת־
אֲדֹנֵינוּ וַיָּעַט בָּהֶם׃ וְהָאֲנָשִׁים טֹבִים לָנוּ מְאֹד וְלֹא טו
הָכְלַמְנוּ וְלֹא־פָקַדְנוּ מְאוּמָה כָּל־יְמֵי הִתְהַלַּכְנוּ אִתָּם
בִּהְיוֹתֵנוּ בַּשָּׂדֶה׃ חוֹמָה הָיוּ עָלֵינוּ גַּם־לַיְלָה גַּם־יוֹמָם טז
כָּל־יְמֵי הֱיוֹתֵנוּ עִמָּם רֹעִים הַצֹּאן׃ וְעַתָּה דְּעִי וּרְאִי יז
מַה־תַּעֲשִׂי כִּי־כָלְתָה הָרָעָה אֶל־אֲדֹנֵינוּ וְעַל־כָּל־בֵּיתוֹ
וְהוּא בֶּן־בְּלִיַּעַל מִדַּבֵּר אֵלָיו׃ וַתְּמַהֵר אֲבוּגַיִל וַתִּקַּח יח
מָאתַיִם לֶחֶם וּשְׁנַיִם נִבְלֵי־יַיִן וְחָמֵשׁ צֹאן עֲשׂוּוֹת וְחָמֵשׁ
סְאִים קָלִי וּמֵאָה צִמֻּקִים וּמָאתַיִם דְּבֵלִים וַתָּשֶׂם עַל־
הַחֲמֹרִים׃ וַתֹּאמֶר לִנְעָרֶיהָ עִבְרוּ לְפָנַי הִנְנִי אַחֲרֵיכֶם יט
בָּאָה וּלְאִישָׁהּ נָבָל לֹא הִגִּידָה׃ וְהָיָה הִיא ׀ רֹכֶבֶת עַל־ כ
הַחֲמוֹר וְיֹרֶדֶת בְּסֵתֶר הָהָר וְהִנֵּה דָוִד וַאֲנָשָׁיו יֹרְדִים
לִקְרָאתָהּ וַתִּפְגֹּשׁ אֹתָם׃ וְדָוִד אָמַר אַךְ לַשֶּׁקֶר שָׁמַרְתִּי כא
אֶת־כָּל־אֲשֶׁר לָזֶה בַּמִּדְבָּר וְלֹא־נִפְקַד מִכָּל־אֲשֶׁר־לוֹ
מְאוּמָה וַיָּשֶׁב־לִי רָעָה תַּחַת טוֹבָה׃ כֹּה־יַעֲשֶׂה אֱלֹהִים כב
לְאֹיְבֵי דָוִד וְכֹה יֹסִיף אִם־אַשְׁאִיר מִכָּל־אֲשֶׁר־לוֹ עַד־אוֹר

יח׳ אביגיל ק׳ עשויות ק׳

דיך, וואָס דיין האַנט וועט געפינען, צו דיינע קנעכט און צו דיין זון דודן.

9 זיינען געקומען די יונגען פון דודן, און האָבן גערעדט צו נָבָלן אַזוי ווי אַלע דידאָזיקע רייד אין נאָמען פון דודן; און זיי האָבן זיך פאַררוט. 10 האָט נָבָל געענטפערט די קנעכט פון דודן, און האָט געזאָגט: ווער איז דוד? און ווער איז דער זון פון ישַין? היינט צו טאָג זיינען דאָ אַ סך קנעכט וואָס רייסן זיך אַוועק איטלעכער פון זיין האַר. 11 און איך זאָל נעמען מיין ברויט און מיין וואַסער, און מיין שעכטונג וואָס איך האָב געשאָכטן פאַר מיינע שערערס, און אַוועקשענקען צו מענטשן וואָס איך ווייס ניט פון וואַנען זיי זיינען?

12 האָבן די יונגען פון דודן זיך פאַרקערט אויף זייער וועג, און זיי זיינען צוריקגעגאַנגען, און זיינען געקומען, און האָבן אים דערציילט אַזוי ווי אַלע דידאָזיקע ווערטער. 13 האָט דוד געזאָגט צו זיינע מענטשן: גורט אָן איטלעכער זיין שווערד. האָבן זיי איטלעכער אָנגעגורט זיין שווערד, אויך דוד האָט אָנגעגורט זיין שווערד; און עס זיינען אַרויפגעגאַנגען נאָך דודן אַרום פיר הונדערט מאַן; און צוויי הונדערט זיינען געבליבן ביי די זאַכן.

14 און אַביגַיִלן, נָבָלס ווייב, האָט דערציילט איין יונג פון די יונגען, אַזוי צו זאָגן: זע, דוד האָט געשיקט שלוחים פון מדבר אָנצווינטשן אונדזער האַר, און ער איז אויף זיי אָנגעפאַלן. 15 און די מענטשן זיינען געווען זייער גוט צו אונדז, און ניט מיר זיינען געקריוודעט געוואָרן, און ניט ביי אונדז איז עפּעס געמינערט געוואָרן, אַלע טעג וואָס מיר זיינען אומגעגאַנגען מיט זיי, ווען מיר זיינען געווען אין פעלד. 16 זיי זיינען געווען אַ מויער אַרום אונדז אי ביי נאַכט אי ביי טאָג, אַלע טעג וואָס מיר זיינען געווען מיט זיי, פּיטערנדיק די שאָף. 17 און אַצונד ווייס און זע וואָס דו זאָלסט טאָן, ווייל אַן אומגליק איז באַשלאָסן אויף אונדזער האַר און אויף זיין גאַנצן הויז; און ער איז אַ נידערטרעכטיקער יונג, אַז עס איז ניט צו רעדן צו אים.

18 האָט אַביגַיִל געאַיילט און האָט גענומען צוויי הונדערט ברויטן, און צוויי לאָגלען וויין, און פינף געמאַכטע שאָף, און פינף סְאָה געבּרענטע זאַנגען, און הונדערט בינטלעך ראָזינקעס, און צוויי הונדערט קוכנס פייגן, און אַרויפגעטאָן אויף אייזלען. 19 און זי האָט געזאָגט צו אירע יונגען: גייט אַוועק מיר פאַרויס; אָט קום איך אַייך נאָך. און איר מאַן נָבָלן האָט זי ניט דערציילט.

20 און עס איז געווען, ווי זי רייט אויף איר אייזל, און נידערט אַראָפּ אונטער דעם צודעק פון באַרג, ערשט דוד מיט זיינע מענטשן נידערן אַראָפּ איר אַנטקעגן, און זי האָט זיי אָנגעטראָפן.

21 און דוד האָט געזאָגט: בלויז אומנישט האָב איך געהיט אַלץ וואָס געהערט צו דעמדאָזיקן אין מדבר, און גאָרנישט איז געמינערט געוואָרן פון אַלץ וואָס געהערט צו אים; און ער האָט מיר אומגעקערט אַ רעה פאַר אַ טובה. 22 זאָל גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער צו די פיינט פון דודן, אויב איך וועל איבערלאָזן פון

כג הַבֹּקֶר מַשְׁתִּין בְּקִיר׃ וַתֵּרֶא אֲבִיגַיִל אֶת־דָּוִד וַתְּמַהֵר
וַתֵּרֶד מֵעַל הַחֲמוֹר וַתִּפֹּל לְאַפֵּי דָוִד עַל־פָּנֶיהָ וַתִּשְׁתַּחוּ
כד אָרֶץ׃ וַתִּפֹּל עַל־רַגְלָיו וַתֹּאמֶר בִּי־אֲנִי אֲדֹנִי הֶעָוֺן וּתְדַבֶּר־
כה נָא אֲמָתְךָ בְּאָזְנֶיךָ וּשְׁמַע אֵת דִּבְרֵי אֲמָתֶךָ׃ אַל־נָא יָשִׂים
אֲדֹנִי ׀ אֶת־לִבּוֹ אֶל־אִישׁ הַבְּלִיַּעַל הַזֶּה עַל־נָבָל כִּי כִשְׁמוֹ
כֶּן־הוּא נָבָל שְׁמוֹ וּנְבָלָה עִמּוֹ וַאֲנִי אֲמָתְךָ לֹא רָאִיתִי
כו אֶת־נַעֲרֵי אֲדֹנִי אֲשֶׁר שָׁלָחְתָּ׃ וְעַתָּה אֲדֹנִי חַי־יְהוָה וְחֵי־
נַפְשְׁךָ אֲשֶׁר מְנָעֲךָ יְהוָה מִבּוֹא בְדָמִים וְהוֹשֵׁעַ יָדְךָ לָךְ
וְעַתָּה יִהְיוּ כְנָבָל אֹיְבֶיךָ וְהַמְבַקְשִׁים אֶל־אֲדֹנִי רָעָה׃
כז וְעַתָּה הַבְּרָכָה הַזֹּאת אֲשֶׁר־הֵבִיא שִׁפְחָתְךָ לַאדֹנִי וְנִתְּנָה
כח לַנְּעָרִים הַמִּתְהַלְּכִים בְּרַגְלֵי אֲדֹנִי׃ שָׂא נָא לְפֶשַׁע אֲמָתֶךָ
כִּי עָשֹׂה־יַעֲשֶׂה יְהוָה לַאדֹנִי בַּיִת נֶאֱמָן כִּי־מִלְחֲמוֹת
כט יְהוָה אֲדֹנִי נִלְחָם וְרָעָה לֹא־תִמָּצֵא בְךָ מִיָּמֶיךָ׃ וַיָּקָם
אָדָם לִרְדָפְךָ וּלְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשֶׁךָ וְהָיְתָה נֶפֶשׁ אֲדֹנִי
צְרוּרָה ׀ בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֵת יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְאֵת נֶפֶשׁ
ל אֹיְבֶיךָ יְקַלְּעֶנָּה בְּתוֹךְ כַּף הַקָּלַע׃ וְהָיָה כִּי־יַעֲשֶׂה יְהוָה
לַאדֹנִי כְּכֹל אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֶת־הַטּוֹבָה עָלֶיךָ וְצִוְּךָ לְנָגִיד עַל־
לא יִשְׂרָאֵל׃ וְלֹא תִהְיֶה זֹאת ׀ לְךָ לְפוּקָה וּלְמִכְשׁוֹל לֵב
לַאדֹנִי וְלִשְׁפָּךְ־דָּם חִנָּם וּלְהוֹשִׁיעַ אֲדֹנִי לוֹ וְהֵיטִב יְהוָה
לב לַאדֹנִי וְזָכַרְתָּ אֶת־אֲמָתֶךָ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד לַאֲבִיגַל
בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר שְׁלָחֵךְ הַיּוֹם הַזֶּה לִקְרָאתִי׃
לג וּבָרוּךְ טַעְמֵךְ וּבְרוּכָה אָתְּ אֲשֶׁר כְּלִתִנִי הַיּוֹם הַזֶּה מִבּוֹא
לד בְדָמִים וְהֹשֵׁעַ יָדִי לִי׃ וְאוּלָם חַי־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
אֲשֶׁר מְנָעַנִי מֵהָרַע אֹתָךְ כִּי ׀ לוּלֵי מִהַרְתְּ וַתָּבֹאתִי לִקְרָאתִי
לה כִּי אִם־נוֹתַר לְנָבָל עַד־אוֹר הַבֹּקֶר מַשְׁתִּין בְּקִיר׃ וַיִּקַּח
דָּוִד מִיָּדָהּ אֵת אֲשֶׁר־הֵבִיאָה לוֹ וְלָהּ אָמַר עֲלִי לְשָׁלוֹם
לו לְבֵיתֵךְ רְאִי שָׁמַעְתִּי בְקוֹלֵךְ וָאֶשָּׂא פָּנָיִךְ׃ וַתָּבֹא אֲבִיגַיִל ׀

לב׳ פתח באתנח　לד׳ ס״א לזלא　ותבאת ק׳

אַלע וואָס געהערן צו אים ביזן ליכט פון פרימאָרגן אַ מאַנספּאַרשוין[א]!

[23] און ווי אַביגַיִל האָט דערזען דודן, אַזוי האָט זי געאײַלט און אַראָפּגענידערט פון אייזל, און איז געפאַלן אויף איר פּנים פאַר דודס אָנגעזיכט, און האָט זיך געבוקט צו דער ערד. [24] און זי איז געפאַלן צו זײַנע פיס, און האָט געזאָגט: אויף מיר אַליין, מײַן האַר, די שולד! און זאָל דײַן דינסט, איך בעט דיך, רעדן אין דײַנע אויערן, און הער צו די ווערטער פון דײַן דינסט. [25] זאָל, איך בעט דיך, מײַן האַר ניט טאָן זײַן האַרץ אויף דעמדאָזיקן נידערטרעכטיקן מענטשן, אויף נָבָלן, וואָרום אַזוי ווי זײַן נאָמען, אַזוי איז ער. נָבָל איז זײַן נאָמען, און מנוולדיקייט איז אין אים. און איך דײַן דינסט האָב ניט געזען די יונגען פון מײַן האַר, וואָס דו האָסט געשיקט. [26] און אַצונד, מײַן האַר, אַזוי ווי גאָט לעבט, און אַזוי ווי דײַן זעל לעבט, אַז דאָס האָט דיך גאָט פאַרמיטן פון באַגיין בלוטפאַרגיסונג, און זיך העלפן מיט דײַן אייגענער האַנט! און אַצונד, זאָלן ווערן אַזוי ווי נָבָל דײַנע שׂונאים און די וואָס זוכן שלעכטס אויף מײַן האַר. [27] און אַצונד, זאָל דידאָזיקע מתּנה, וואָס דײַן דינסט האָט געבראַכט צו מײַן האַר, געגעבן ווערן צו די יונגען וואָס גייען הינטער מײַן האַר. [28] פאַרגיב, איך בעט דיך, דעם פאַרברעך פון דײַן דינסט, וואָרום מאַכן וועט גאָט מאַכן מײַן האַר אַ זיכער הויז, ווײַל די מלחמות פון גאָט פירט מײַן האַר, און קיין בייז איז ניט געפונען געוואָרן אין דיר פון דײַן לעבטאָג אָן. [29] הגם אַ מענטש איז אויפגעשטאַנען זיך צו יאָגן נאָך דיר, און צו זוכן דײַן לעבן, וועט די זעל פון מײַן האַר זײַן אײַנגעבונדן אין דעם בונד פון לעבן בײַ יהוה דײַן גאָט, און די זעל פון דײַנע פײַנט, זי וועט ער אַוועקשלײַדערן אין אַ שלײַדערלעפל. [30] און עס וועט זײַן, אַז גאָט וועט טאָן צו מײַן האַר אַזוי ווי אַלדאָס גוטס וואָס ער האָט אָנגעזאָגט אויף דיר, און ער וועט דיך באַפעלן פאַר אַ פירשט איבער ישׂראל, [31] זאָל דאָס דיר ניט זײַן פאַר אַ שטרויכלונג, און פאַר אַ פאָרוואורף פון האַרצן פאַר מײַן האַר, וואָס דו האָסט פאַרגאָסן בלוט אומזיסט, און וואָס מײַן האַר האָט זיך אַליין געהאָלפן. און אַז גאָט וועט באַגיטיקן מײַן האַר, זאָלסטו זיך דערמאָנען אָן דײַן דינסט.

[32] האָט דוד געזאָגט צו אַביגַיִלן: געלויבט איז יהוה דער גאָט פון ישׂראל, וואָס האָט דיך הײַנטיקן טאָג געשיקט מיר אַנטקעגן. [33] און געבענטשט זאָל זײַן דײַן שׂכל, און געבענטשט זאָלסט דו זײַן, וואָס דו האָסט מיך הײַנטיקן טאָג פאַרמיטן פון באַגיין בלוטפאַרגיסונג, און זיך העלפן מיט מײַן אייגענער האַנט. [34] וואָרום פאַרוואָר, אַזוי ווי עס לעבט יהוה דער גאָט פון ישׂראל וואָס האָט מיך פאַרמיטן פון דיר שלעכטס צו טאָן, אַז ווען דו וואָלסט ניט געאײַלט און געקומען מיר אַנטקעגן, אויב עס וואָלט געבליבן בײַ נָבָלן ביזן ליכט פון פרימאָרגן אַ מאַנספּאַרשוין!

[35] און דוד האָט אָנגענומען פון איר האַנט וואָס זי האָט אים געבראַכט, און צו איר האָט ער געזאָגט: גיי אַרויף בשלום צו דײַן הויז. זע, איך האָב צוגעהערט צו דײַן קָול, און האָב געשוינט דײַן פּנים.

[א] אין טעקסט: מַשְׁתִּין בְּקִיר.

אֶל־נָבָל וְהִנֵּה־לוֹ מִשְׁתֶּה בְּבֵיתוֹ כְּמִשְׁתֵּה הַמֶּלֶךְ וְלֵב
נָבָל טוֹב עָלָיו וְהוּא שִׁכֹּר עַד־מְאֹד וְלֹא־הִגִּידָה לּוֹ דָּבָר
קָטֹן וְגָדוֹל עַד־אוֹר הַבֹּקֶר׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר בְּצֵאת הַיַּיִן מִנָּבָל לז
וַתַּגֶּד־לוֹ אִשְׁתּוֹ אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיָּמָת לִבּוֹ בְּקִרְבּוֹ
וְהוּא הָיָה לְאָבֶן׃ וַיְהִי כַּעֲשֶׂרֶת הַיָּמִים וַיִּגֹּף יְהוָה אֶת־נָבָל לח
וַיָּמֹת׃ וַיִּשְׁמַע דָּוִד כִּי מֵת נָבָל וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה אֲשֶׁר לט
רָב אֶת־רִיב חֶרְפָּתִי מִיַּד נָבָל וְאֶת־עַבְדּוֹ חָשַׂךְ מֵרָעָה
וְאֵת רָעַת נָבָל הֵשִׁיב יְהוָה בְּרֹאשׁוֹ וַיִּשְׁלַח דָּוִד וַיְדַבֵּר
בַּאֲבִיגַיִל לְקַחְתָּהּ לוֹ לְאִשָּׁה׃ וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי דָוִד אֶל־ מ
אֲבִיגַיִל הַכַּרְמֶלָה וַיְדַבְּרוּ אֵלֶיהָ לֵאמֹר דָּוִד שְׁלָחָנוּ אֵלַיִךְ
לְקַחְתֵּךְ לוֹ לְאִשָּׁה׃ וַתָּקָם וַתִּשְׁתַּחוּ אַפַּיִם אָרְצָה וַתֹּאמֶר מא
הִנֵּה אֲמָתְךָ לְשִׁפְחָה לִרְחֹץ רַגְלֵי עַבְדֵי אֲדֹנִי׃ וַתְּמַהֵר מב
וַתָּקָם אֲבִיגַיִל וַתִּרְכַּב עַל־הַחֲמוֹר וְחָמֵשׁ נַעֲרֹתֶיהָ הַהֹלְכוֹת
לְרַגְלָהּ וַתֵּלֶךְ אַחֲרֵי מַלְאֲכֵי דָוִד וַתְּהִי־לוֹ לְאִשָּׁה׃ וְאֶת־ מג
אֲחִינֹעַם לָקַח דָּוִד מִיִּזְרְעֶאל וַתִּהְיֶיןָ גַּם־שְׁתֵּיהֶן לוֹ לְנָשִׁים׃
וְשָׁאוּל נָתַן אֶת־מִיכַל בִּתּוֹ אֵשֶׁת דָּוִד לְפַלְטִי בֶן־לַיִשׁ מד
אֲשֶׁר מִגַּלִּים׃

## כו

וַיָּבֹאוּ הַזִּפִים אֶל־שָׁאוּל הַגִּבְעָתָה לֵאמֹר הֲלוֹא דָוִד א
מִסְתַּתֵּר בְּגִבְעַת הַחֲכִילָה עַל פְּנֵי הַיְשִׁימֹן׃ וַיָּקָם שָׁאוּל ב
וַיֵּרֶד אֶל־מִדְבַּר־זִיף וְאִתּוֹ שְׁלֹשֶׁת־אֲלָפִים אִישׁ בְּחוּרֵי
יִשְׂרָאֵל לְבַקֵּשׁ אֶת־דָּוִד בְּמִדְבַּר־זִיף׃ וַיִּחַן שָׁאוּל בְּגִבְעַת ג
הַחֲכִילָה אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הַיְשִׁימֹן עַל־הַדָּרֶךְ וְדָוִד יֹשֵׁב
בַּמִּדְבָּר וַיַּרְא כִּי בָא שָׁאוּל אַחֲרָיו הַמִּדְבָּרָה׃ וַיִּשְׁלַח ד
דָּוִד מְרַגְּלִים וַיֵּדַע כִּי־בָא שָׁאוּל אֶל־נָכוֹן׃ וַיָּקָם דָּוִד ה
וַיָּבֹא אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר חָנָה־שָׁם שָׁאוּל וַיַּרְא דָּוִד אֶת־
הַמָּקוֹם אֲשֶׁר שָׁכַב־שָׁם שָׁאוּל וְאַבְנֵר בֶּן־נֵר שַׂר־צְבָאוֹ

36 און אַביגַיִל איז געקומען צו נָבָלן, ערשט ער האָט אַ מאָלצײַט בײַ זיך אין הויז, אַזוי ווי אַ מאָלצײַט פֿון אַ מלך, און נָבָלס האַרץ איז אים פֿריילעך, און ער איז שיכּור ביז גאָר. האָט זי אים קיין זאַך ניט דערציילט, קליין אָדער גרויס, ביזן ליכט פֿון פֿרימאָרגן.

37 און עס איז געווען אין דער פֿרי, אַז דער ווײַן איז אַרויס פֿון נָבָלן, האָט אים זײַן ווײַב דערציילט די דאָזיקע זאַכן, און זײַן האַרץ איז אָפּגעשטאָרבן אין אים, און ער איז געוואָרן אַזוי ווי שטיין. 38 און עס איז געווען אין אַרום צען טעג, האָט גאָט געשלאָגן נָבָלן, און ער איז געשטאָרבן.

39 האָט דוד געהערט, אַז נָבל איז געשטאָרבן, און ער האָט געזאָגט: געלויבט איז גאָט וואָס האָט זיך אָנגענומען די קריוודע פֿון מײַן חרפּה פֿון נָבָלס האַנט, און האָט פֿאַרמיטן זײַן קנעכט פֿון שלעכטס; און דאָס שלעכטס פֿון נָבָלן האָט גאָט אומגעקערט אויף זײַן קאָפּ. און דוד האָט געשיקט און גערעדט צו אַביגַיִלן, זי צו נעמען צו זיך פֿאַר אַ ווײַב.

40 זײַנען געקומען דודס קנעכט צו אַביגַיִלן קיין כַּרמֶל, און זיי האָבן גערעדט צו איר, אַזוי צו זאָגן: דוד האָט אונדז געשיקט צו דיר, דיך צו נעמען צו אים פֿאַר אַ ווײַב.

41 איז זי אויפֿגעשטאַנען, און האָט זיך געבוקט מיטן פּנים צו דער ערד, און זי האָט געזאָגט: אָט איז דײַן דינסט פֿאַר אַ שקלאַפֿין צו וואַשן די פֿיס פֿון מײַן האַרס קנעכט.

42 און אַביגַיִל האָט געאײַלט און איז אויפֿגעשטאַנען, און האָט זיך געזעצט אויפֿן אייזל, מיט אירע פֿינף מיידלעך וואָס זײַנען געגאַנגען הינטער איר, און זי איז געגאַנגען נאָך די שלוחים פֿון דודן. און זי איז אים געוואָרן פֿאַר אַ ווײַב.

43 און אַחינוֹעַמען האָט דוד גענומען פֿון יִזרְעאל; און זיי זײַנען אים ביידע געוואָרן פֿאַר ווײַבער.

44 און שָאול האָט אַוועקגעגעבן זײַן טאָכטער מיכל, דודס ווײַב, צו פַּלטי דעם זון פֿון לַיִשן וואָס פֿון גַלים.

## כו

1 און די זיפֿער זײַנען געקומען צו שָאולן קיין גִבעָה, אַזוי צו זאָגן: פֿאַרוואָר, דוד באַהאַלט זיך אויף דעם בערגל חֲכִילָה פֿאַר ישימון.

2 איז שָאול אויפֿגעשטאַנען, און האָט אַראָפּגענידערט צום מדבר זיף מיט דריי טויזנט אויסגעקליבענע מענער פֿון ישׂראל, צו זוכן דודן אין מדבר זיף. 3 און שָאול האָט געלאַגערט אויפֿן בערגל חֲכִילָה וואָס פֿאַר ישימון, בײַם וועג. און דוד איז געזעסן אין מדבר, און ער האָט געמערקט, אַז שָאול איז געקומען נאָך אים אין מדבר. 4 און דוד האָט געשיקט אויסקוקערס, און איז געוואָר געוואָרן אויף געוויס, אַז שָאול איז געקומען. 5 איז דוד אויפֿגעשטאַנען, און איז צוגעקומען צו דעם אָרט וואָס שָאול האָט דאָרטן געלאַגערט, און דוד האָט געזען דעם אָרט וואָס דאָרטן איז געלעגן שָאול און אַבנֵר דער זון פֿון נֵרן,

ו וְשָׁאוּל שֹׁכֵב בַּמַּעְגָּל וְהָעָם חֹנִים סְבִיבֹתָו׃ וַיַּעַן דָּוִד
וַיֹּאמֶר ׀ אֶל־אֲחִימֶלֶךְ הַחִתִּי וְאֶל־אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה אֲחִי
יוֹאָב לֵאמֹר מִי־יֵרֵד אִתִּי אֶל־שָׁאוּל אֶל־הַמַּחֲנֶה וַיֹּאמֶר
ז אֲבִישַׁי אֲנִי אֵרֵד עִמָּךְ׃ וַיָּבֹא דָוִד וַאֲבִישַׁי ׀ אֶל־הָעָם
לַיְלָה וְהִנֵּה שָׁאוּל שֹׁכֵב יָשֵׁן בַּמַּעְגָּל וַחֲנִיתוֹ מְעוּכָה־
בָאָרֶץ מְרַאֲשֹׁתָו וְאַבְנֵר וְהָעָם שֹׁכְבִים סְבִיבֹתָו׃
ח וַיֹּאמֶר אֲבִישַׁי אֶל־דָּוִד סִגַּר אֱלֹהִים הַיּוֹם אֶת־אוֹיִבְךָ
בְּיָדֶךָ וְעַתָּה אַכֶּנּוּ נָא בַּחֲנִית וּבָאָרֶץ פַּעַם אַחַת וְלֹא
ט אֶשְׁנֶה לוֹ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אֲבִישַׁי אַל־תַּשְׁחִיתֵהוּ כִּי מִי
י שָׁלַח יָדוֹ בִּמְשִׁיחַ יְהוָה וְנִקָּה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד חַי־יְהוָה כִּי
אִם־יְהוָה יִגָּפֶנּוּ אוֹ־יוֹמוֹ יָבוֹא וָמֵת אוֹ בַמִּלְחָמָה יֵרֵד
יא וְנִסְפָּה׃ חָלִילָה לִּי מֵיְהוָה מִשְּׁלֹחַ יָדִי בִּמְשִׁיחַ יְהוָה
וְעַתָּה קַח־נָא אֶת־הַחֲנִית אֲשֶׁר מְרַאֲשֹׁתָו וְאֶת־צַפַּחַת
יב הַמַּיִם וְנֵלְכָה־לָּנוּ׃ וַיִּקַּח דָּוִד אֶת־הַחֲנִית וְאֶת־צַפַּחַת
הַמַּיִם מֵרַאֲשֹׁתֵי שָׁאוּל וַיֵּלְכוּ לָהֶם וְאֵין רֹאֶה וְאֵין יוֹדֵעַ
וְאֵין מֵקִיץ כִּי כֻלָּם יְשֵׁנִים כִּי תַּרְדֵּמַת יְהוָה נָפְלָה
יג עֲלֵיהֶם׃ וַיַּעֲבֹר דָּוִד הָעֵבֶר וַיַּעֲמֹד עַל־רֹאשׁ־הָהָר מֵרָחֹק
יד רַב הַמָּקוֹם בֵּינֵיהֶם׃ וַיִּקְרָא דָוִד אֶל־הָעָם וְאֶל־אַבְנֵר
בֶּן־נֵר לֵאמֹר הֲלוֹא תַעֲנֶה אַבְנֵר וַיַּעַן אַבְנֵר וַיֹּאמֶר מִי
טו אַתָּה קָרָאתָ אֶל־הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אַבְנֵר
הֲלוֹא־אִישׁ אַתָּה וּמִי כָמוֹךָ בְּיִשְׂרָאֵל וְלָמָּה לֹא שָׁמַרְתָּ
אֶל־אֲדֹנֶיךָ הַמֶּלֶךְ כִּי־בָא אַחַד הָעָם לְהַשְׁחִית אֶת־הַמֶּלֶךְ
טז אֲדֹנֶיךָ׃ לֹא־טוֹב הַדָּבָר הַזֶּה אֲשֶׁר עָשִׂיתָ חַי־יְהוָה כִּי
בְנֵי־מָוֶת אַתֶּם אֲשֶׁר לֹא־שְׁמַרְתֶּם עַל־אֲדֹנֵיכֶם עַל־מְשִׁיחַ
יְהוָה וְעַתָּה ׀ רְאֵה אֵי־חֲנִית הַמֶּלֶךְ וְאֶת־צַפַּחַת הַמַּיִם
יז אֲשֶׁר מְרַאֲשֹׁתָו׃ וַיַּכֵּר שָׁאוּל אֶת־קוֹל דָּוִד וַיֹּאמֶר הֲקוֹלְךָ
יח זֶה בְּנִי דָוִד וַיֹּאמֶר דָּוִד קוֹלִי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר לָמָּה

ה׳ סביבותיו ק   ז׳ מראשותיו ק   סביבותיו ק   יא׳ טז׳ מראשותיו ק

זיין חיל־פירער. און שָאול איז געלעגן אין לאַגערינג, און דאָס פאָלק האָט געלאַגערט רונד אַרום אים.

6 האָט זיך אָפּגערופן דוד און האָט געזאָגט צו אַחימֶלֶך דעם חִתי, און צו אַבישַי דעם זון פון צרויָהן, יוֹאָבס ברודער, אַזוי צו זאָגן: ווער וויל אַראָפּנידערן מיט מיר צו שָאולן אין לאַגער? האָט אַבישַי געזאָגט: איך וועל אַראָפּנידערן מיט דיר.

7 איז געקומען דוד און אַבישַי צו דעם פאָלק בײַ נאַכט, ערשט שָאול ליגט און שלאָפט אין לאַגערינג, און זיין שפּיז איז אַרײַנגעשטעקט אין דער ערד אים צוקאָפּנס, און אַבנֵר און דאָס פאָלק ליגן רונד אַרום אים.

8 האָט אַבישַי געזאָגט צו דודן: גאָט האָט היינט איבערגעענטפערט דיין פיינט אין דיין האַנט; און אַצונד, לאָמיך אַקאָרשט אים איין מאָל אַ שטאָך טאָן מיטן שפּיז ביז אין דער ערד, און איך וועל אים ניט דאַרפן טאָן אַ צווייטן. 9 האָט דוד געזאָגט צו אַבישַין: זאָלסט אים ניט אומברענגען, וואָרום ווער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף דעם געזאַלבטן פון גאָט, און איז אָפּגעקומען גלאַט? 10 און דוד האָט געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, אַז נאָר גאָט זאָל אים שלאָגן! ענטוועדער זיין טאָג וועט קומען, און ער וועט שטאַרבן, אָדער ער וועט נידערן אין מלחמה און אומקומען. 11 באַהיט זאָל איך ווערן פון גאָט, אויסצושטרעקן מיין האַנט אויף דעם געזאַלבטן פון גאָט. און אַצונד, נעם, איך בעט דיך, דעם שפּיז וואָס בײַ אים צוקאָפּנס, און דעם קרוג וואַסער, און לאָמיר זיך גיין.

12 און דוד האָט גענומען דעם שפּיז און דעם קרוג וואַסער פון שָאולס צוקאָפּנס, און זיי זיינען זיך אַוועקגעגאַנגען; און קיינער האָט ניט געזען און ניט געמערקט, און קיינער האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט, ווייל זיי זיינען אַלע געשלאָפן, וואָרום אַ גאָטס שלאָף איז געפאַלן אויף זיי.

13 און דוד איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער אַנדער זייט, און ער האָט זיך געשטעלט אויפן שפּיץ באַרג פון דער ווייטן, מיט אַ ברייט אָרט צווישן זיי. 14 און דוד האָט גערופן צו דעם פאָלק און צו אַבנֵר דעם זון פון נֵרן, אַזוי צו זאָגן: ווילסטו ניט ענטפערן, אַבנֵר? האָט אַבנֵר זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט: ווער ביסטו, וואָס דו רופסט צום מלך? 15 האָט דוד געזאָגט צו אַבנֵרן: דו ביסט דאָך אַ מאַן, און ווער איז דיין גלייכן אין ישׂראל, היינט פאַרוואָס האָסטו ניט אָפּגעהיט דעם מלך דיין האַר? וואָרום איינער פון פאָלק איז געקומען אומצוברענגען דעם מלך דיין האַר. 16 ניט גוט איז די דאָזיקע זאַך וואָס דו האָסט געטאָן. אַזוי ווי גאָט לעבט, אַז טויט זייט איר ווערט, וואָס איר האָט ניט אָפּגעהיט אײַער האַר, דעם געזאַלבטן פון גאָט! און אַצונד זע, וווּ איז דער שפּיז פון דעם מלך, און דער קרוג וואַסער וואָס איז געווען בײַ אים צוקאָפּנס?

17 האָט שָאול דערקענט דודס קָול, און ער האָט געזאָגט: איז דאָס דיין קָול, מיין זון דוד? האָט דוד געזאָגט: מיין קָול, מיין האַר מלך. 18 און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָס יאָגט זיך מיין האַר נאָך זיין קנעכט?

זֶה אֲדֹנִי רֹדֵף אַחֲרֵי עַבְדּוֹ כִּי מֶה עָשִׂיתִי וּמַה־בְּיָדִי
רָעָה׃ וְעַתָּה יִשְׁמַע־נָא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֵת דִּבְרֵי עַבְדּוֹ אִם־ יט
יְהוָה הֱסִיתְךָ בִי יָרַח מִנְחָה וְאִם ׀ בְּנֵי הָאָדָם אֲרוּרִים
הֵם לִפְנֵי יְהוָה כִּי־גֵרְשׁוּנִי הַיּוֹם מֵהִסְתַּפֵּחַ בְּנַחֲלַת יְהוָה
לֵאמֹר לֵךְ עֲבֹד אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃ וְעַתָּה אַל־יִפֹּל דָּמִי כ
אַרְצָה מִנֶּגֶד פְּנֵי יְהוָה כִּי־יָצָא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לְבַקֵּשׁ אֶת־
פַּרְעֹשׁ אֶחָד כַּאֲשֶׁר יִרְדֹּף הַקֹּרֵא בֶּהָרִים׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל כא
חָטָאתִי שׁוּב בְּנִי־דָוִד כִּי לֹא־אָרַע לְךָ עוֹד תַּחַת אֲשֶׁר
יָקְרָה נַפְשִׁי בְּעֵינֶיךָ הַיּוֹם הַזֶּה הִנֵּה הִסְכַּלְתִּי וָאֶשְׁגֶּה
הַרְבֵּה מְאֹד׃ וַיַּעַן דָּוִד וַיֹּאמֶר הִנֵּה הַחֲנִית הַמֶּלֶךְ וְיַעֲבֹר כב
אֶחָד מֵהַנְּעָרִים וְיִקָּחֶהָ׃ וַיהוָה יָשִׁיב לָאִישׁ אֶת־צִדְקָתוֹ כג
וְאֶת־אֱמֻנָתוֹ אֲשֶׁר נְתָנְךָ יְהוָה ׀ הַיּוֹם בְּיָד וְלֹא אָבִיתִי
לִשְׁלֹחַ יָדִי בִּמְשִׁיחַ יְהוָה׃ וְהִנֵּה כַּאֲשֶׁר גָּדְלָה נַפְשְׁךָ הַיּוֹם כד
הַזֶּה בְּעֵינָי כֵּן תִּגְדַּל נַפְשִׁי בְּעֵינֵי יְהוָה וְיַצִּלֵנִי מִכָּל־צָרָה׃
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל אֶל־דָּוִד בָּרוּךְ אַתָּה בְּנִי דָוִד גַּם כה
עָשֹׂה תַעֲשֶׂה וְגַם יָכֹל תּוּכָל וַיֵּלֶךְ דָּוִד לְדַרְכּוֹ וְשָׁאוּל
שָׁב לִמְקוֹמוֹ׃

## כז

וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־לִבּוֹ עַתָּה אֶסָּפֶה יוֹם־אֶחָד בְּיַד־שָׁאוּל א
אֵין־לִי טוֹב כִּי הִמָּלֵט אִמָּלֵט ׀ אֶל־אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים וְנוֹאַשׁ
מִמֶּנִּי שָׁאוּל לְבַקְשֵׁנִי עוֹד בְּכָל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל וְנִמְלַטְתִּי
מִיָּדוֹ׃ וַיָּקָם דָּוִד וַיַּעֲבֹר הוּא וְשֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ אֲשֶׁר עִמּוֹ ב
אֶל־אָכִישׁ בֶּן־מָעוֹךְ מֶלֶךְ גַּת׃ וַיֵּשֶׁב דָּוִד עִם־אָכִישׁ בְּגַת ג
הוּא וַאֲנָשָׁיו אִישׁ וּבֵיתוֹ דָּוִד וּשְׁתֵּי נָשָׁיו אֲחִינֹעַם הַיִּזְרְעֵאלִת
וַאֲבִיגַיִל אֵשֶׁת־נָבָל הַכַּרְמְלִית׃ וַיֻּגַּד לְשָׁאוּל כִּי־בָרַח ד
דָּוִד גַּת וְלֹא־יוֹסֵף עוֹד לְבַקְשׁוֹ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־ ה
אָכִישׁ אִם־נָא מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ יִתְּנוּ־לִי מָקוֹם בְּאַחַת

כו, כב׳ חנית קרי   כז, ב׳ פתח בס״פ   ד׳ פתח באתנח   יסף קרי

וואָס האָב איך דען געטאָן? און וואָס פאַר אַ בייז איז אין מיין האַנט? [19] און אַצונד, זאָל, איך בעט דיך, מיין האַר דער מלך צוהערן די ווערטער פון זיין קנעכט: אויב גאָט האָט דיך אָנגערייצט אויף מיר, וועט ער אָננעמען א קרבן; אויב אָבער מענטשנקינדער, זאָלן זיי זיין פאַרשאָלטן פאַר גאָט, וואָס זיי האָבן מיך פאַרטריבן היינט פון זיין באַהעפט אָן דער נחלה פון יהוה, אַזוי צו זאָגן: גיי, דין פרעמדע געטער. [20] און אַצונד, זאָל מיין בלוט ניט פאַלן צו דער ערד אַוועק פון גאָטס פנים; וואָרום דער מלך פון ישראל איז אַרויסגעגאַנגען זוכן אַן איינציקע פלוי, אַזוי ווי מע יאָגט אַ פעלדהון אין די בערג.

[21] האָט שָאול געזאָגט: איך האָב געזינדיקט; קער זיך אום, מיין זון דוד, וואָרום איך וועל דיר מער ניט בייז טאָן, דערפאַר וואָס מיין לעבן איז טייער געווען אין דיינע אויגן היינטיקן טאָג. זע, איך האָב זיך נאַריש באַגאַנגען, און האָב פאַרזען זייער פיל.

[22] האָט זיך אָפּגערופן דוד און האָט געזאָגט: אָט איז דעם מלכס שפּיז, און זאָל איינער פון די יונגען אַריבער־קומען, און אים נעמען. [23] און גאָט וועט אומקערן איטלעכן זיין גערעכטיקייט און זיין טרייִשאַפט; וואָרום גאָט האָט דיך היינט איבערגעענטפערט אין מיין האַנט, און איך האָב ניט געוואָלט אויסשטרעקן מיין האַנט אויף דעם געזאַלבטן פון גאָט. [24] און אָט אַזוי ווי דיין לעבן איז געווען גרויסגעשאַצט אין מיינע אויגן היינטיקן טאָג, אַזוי זאָל מיין לעבן זיין גרויסגעשאַצט אין די אויגן פון גאָט, אַז ער זאָל מיך מציל זיין פון יעטוועדער צרה.

[25] האָט שָאול געזאָגט צו דודן: געבענטשט זאָלסטו זיין, מיין זון דוד; אי טאָן וועסטו טאָן, אי אויספירן וועסטו אויספירן.

און דוד איז געגאַנגען אויף זיין וועג, און שָאול האָט זיך אומגעקערט צו זיין אָרט.

## כז

[1] און דוד האָט געזאָגט בײַ זיך אין האַרצן: אַצונד וועל איך איין טאָג אומגעבראַכט ווערן דורך שָאולס האַנט. ניטאָ בעסערס פאַר מיר, ווי אַנטרונען ווערן אין לאַנד פון די פּלִשתּים, און שָאול וועט זיך מיאש זיין פון מיר, מיך ווייטער צו זוכן אין גאַנצן געמאַרק פון ישראל; אַזוי וועל איך אַנטרונען ווערן פון זיין האַנט.

[2] איז דוד אויפגעשטאַנען און איז אַריבערגעגאַנגען, ער און די זעקס הונדערט מאַן וואָס מיט אים, צו אָכיש דעם זון פון מָעוֹכן, דעם מלך פון גַת. [3] און דוד איז געזעסן בײַ אָכישן אין גַת, ער און זיינע מענטשן, איטלעכער מיט זיין הויזגעזינט, דוד מיט זיינע צוויי ווייבער, אַחינוֹעם פון יִזרְעֶאל, און אַביגַיִל די ווייב פון נָבָלן פון כַּרמֶל.

[4] איז אָנגעזאָגט געוואָרן שָאולן, אַז דוד איז אַנטלאָפן קיין גַת, אָבער ער האָט אים מער ווייטער ניט געזוכט.

[5] און דוד האָט געזאָגט צו אָכישן: אויב, איך בעט דיך, איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, זאָל מען מיר

עָרֵי הַשָּׂדֶה וְאֵשְׁבָה שָּׁם וְלָמָּה יֵשֵׁב עַבְדְּךָ בְּעִיר
ו הַמַּמְלָכָה עִמָּךְ׃ וַיִּתֶּן־לוֹ אָכִישׁ בַּיּוֹם הַהוּא אֶת־צִקְלָג
לָכֵן הָיְתָה צִקְלַג לְמַלְכֵי יְהוּדָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
ז וַיְהִי מִסְפַּר הַיָּמִים אֲשֶׁר־יָשַׁב דָּוִד בִּשְׂדֵה פְלִשְׁתִּים
ח יָמִים וְאַרְבָּעָה חֳדָשִׁים׃ וַיַּעַל דָּוִד וַאֲנָשָׁיו וַיִּפְשְׁטוּ אֶל־
הַגְּשׁוּרִי וְהַגִּרְזִי וְהָעֲמָלֵקִי כִּי הֵנָּה יֹשְׁבוֹת הָאָרֶץ אֲשֶׁר
ט מֵעוֹלָם בּוֹאֲךָ שׁוּרָה וְעַד־אֶרֶץ מִצְרָיִם׃ וְהִכָּה דָוִד אֶת־
הָאָרֶץ וְלֹא יְחַיֶּה אִישׁ וְאִשָּׁה וְלָקַח צֹאן וּבָקָר וַחֲמֹרִים
י וּגְמַלִּים וּבְגָדִים וַיָּשָׁב וַיָּבֹא אֶל־אָכִישׁ׃ וַיֹּאמֶר אָכִישׁ
אַל־פְּשַׁטְתֶּם הַיּוֹם וַיֹּאמֶר דָּוִד עַל־נֶגֶב יְהוּדָה וְעַל־נֶגֶב
יא הַיְּרַחְמְאֵלִי וְאֶל־נֶגֶב הַקֵּינִי׃ וְאִישׁ וְאִשָּׁה לֹא־יְחַיֶּה דָוִד
לְהָבִיא גַת לֵאמֹר פֶּן־יַגִּדוּ עָלֵינוּ לֵאמֹר כֹּה־עָשָׂה דָוִד
וְכֹה מִשְׁפָּטוֹ כָּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר יָשַׁב בִּשְׂדֵה פְלִשְׁתִּים׃
יב וַיַּאֲמֵן אָכִישׁ בְּדָוִד לֵאמֹר הַבְאֵשׁ הִבְאִישׁ בְּעַמּוֹ בְיִשְׂרָאֵל
וְהָיָה לִי לְעֶבֶד עוֹלָם׃

כח

א וַיְהִי בַּיָּמִים הָהֵם וַיִּקְבְּצוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־מַחֲנֵיהֶם לַצָּבָא
לְהִלָּחֵם בְּיִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר אָכִישׁ אֶל־דָּוִד יָדֹעַ תֵּדַע כִּי אִתִּי
ב תֵּצֵא בַמַּחֲנֶה אַתָּה וַאֲנָשֶׁיךָ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אָכִישׁ לָכֵן
אַתָּה תֵדַע אֵת אֲשֶׁר־יַעֲשֶׂה עַבְדֶּךָ וַיֹּאמֶר אָכִישׁ אֶל־דָּוִד
ג לָכֵן שֹׁמֵר לְרֹאשִׁי אֲשִׂימְךָ כָּל־הַיָּמִים׃ וּשְׁמוּאֵל מֵת
וַיִּסְפְּדוּ־לוֹ כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיִּקְבְּרֻהוּ בָרָמָה וּבְעִירוֹ וְשָׁאוּל
ד הֵסִיר הָאֹבוֹת וְאֶת־הַיִּדְּעֹנִים מֵהָאָרֶץ׃ וַיִּקָּבְצוּ פְלִשְׁתִּים
וַיָּבֹאוּ וַיַּחֲנוּ בְשׁוּנֵם וַיִּקְבֹּץ שָׁאוּל אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּחֲנוּ
ה בַּגִּלְבֹּעַ׃ וַיַּרְא שָׁאוּל אֶת־מַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים וַיִּרָא וַיֶּחֱרַד
ו לִבּוֹ מְאֹד׃ וַיִּשְׁאַל שָׁאוּל בַּיהוָה וְלֹא עָנָהוּ יְהוָה גַּם
ז בַּחֲלֹמוֹת גַּם בָּאוּרִים גַּם בַּנְּבִיאִם׃ וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לַעֲבָדָיו

כז, ח׳ והגזרי ק׳   כח, ג׳ כא אתדאבות

געבן אַן אָרט אין איינער פון די פעלדשטעט, און איך וועל דאָרטן זיצן; און נאָך וואָס זאָל דיין קנעכט זיצן אין דער מלוכה־שטאָט ביי דיר?

6 האָט אים אָכיש געגעבן אין יענעם טאָג ציקלַג. דעריבער געהערט ציקלַג צו די מלכים פון יהודה ביז אויף היינטיקן טאָג.

7 און די צאָל פון די טעג וואָס דוד איז געזעסן אין פעלד פון די פלשתים, איז געווען אַ יאָר מיט פיר חדשים.

8 און דוד און זיינע מענטשן פלעגן אַרויפגיין און אָנפאַלן אויף דעם גשורי, און דעם גזרי, און דעם עמָלֵקי, ווארום זיי זיינען געווען די באַוווינער פון לאַנד וואָס פון אייביק אָן, ווי דו קומסט קיין שור, און ביז לאַנד מִצרַיִם.

9 און דוד פלעגט שלאָגן דאָס לאַנד, און ניט לאָזן לעבן קיין מאַן און קיין פרוי; און ער פלעגט צונעמען שאָף און רינדער, און אייזלען, און קעמלען, און בגדים, און זיך אומקערן און קומען צו אָכישן. 10 און אַז אָכיש האָט געזאָגט: וווּ זייט איר אָנגעפאַלן היינט? האָט דוד געזאָגט: אויפן דָרום פון יהודה, און אויפן דָרום פון דעם יַרחמְאֵלי, און אויפן דָרום פון דעם קֵיני.

11 און קיין מאַן און קיין פרוי פלעגט דוד ניט לאָזן לעבן, צו ברענגען קיין גַת, ווייל ער האָט געזאָגט: טאָמער וועלן זיי דערציילן אויף אונדז, אַזוי צו זאָגן: אַזוי און אַזוי האָט דוד געטאָן. און אַזוי איז געווען זיין שטייגער אַלע טעג וואָס ער איז געזעסן אין פעלד פון די פלשתים.

12 און אָכיש האָט געגלויבט דודן, אַזוי צו זאָגן: פאַרמיאוסן האָט ער זיך פאַרמיאוסט ביי זיין פאָלק, ביי ישראל, און ער וועט מיר זיין פאַר אַן אייביקן קנעכט.

כח 1 און עס איז געווען אין יענע טעג, האָבן די פלשתים אַיינגעזאַמלט זייערע מחנות אין קריג, צו האַלטן מלחמה אויף ישראל. און אָכיש האָט געזאָגט צו דודן: וויסן זאָלסטו וויסן, אַז דו וועסט אַרויסגיין מיט מיר אין חיל, דו און דיינע מענטשן. 2 האָט דוד געזאָגט צו אָכישן: דערפאַר וועסט דו געוואָר ווערן, וואָס דיין קנעכט וועט אויפ־טאָן. האָט אָכיש געזאָגט צו דודן: דערפאַר וועל איך דיך מאַכן פאַרן שומר פון מיין קאָפּ אַלע טעג.

3 און שמואל איז געשטאָרבן, און גאַנץ ישראל האָבן אים באַקלאָגט, און זיי האָבן אים באַגראָבן אין רָמָה, אין זיין שטאָט.

און שָאול האָט געהאַט אָפּגעטאָן פון לאַנד די גייסטערזעער און די טויטנבאַשווערער.

4 און די פלשתים האָבן זיך אַיינגעזאַמלט, און זיי זיינען געקומען און האָבן געלאַגערט אין שונֵם, און שָאול האָט איינגעזאַמלט גאַנץ ישראל, און זיי האָבן געלאַגערט אין גִלבוֹעַ. 5 און שָאול האָט געזען דעם לאַגער פון די פלשתים, און ער האָט מורא געקריגן, און זיין האַרץ האָט זייער געציטערט. 6 און שָאול האָט געפרעגט ביי גאָט, אָבער גאָט האָט אים ניט געענטפערט, ניט דורך חלומות, ניט דורך די אורים, ניט דורך נביאים.

בקשו־לי אשת בעלת־אוב ואלכה אליה ואדרשה־בה
ויאמרו עבדיו אליו הנה אשת בעלת־אוב בעין דור׃
ויתחפש שאול וילבש בגדים אחרים וילך הוא ושני ח
אנשים עמו ויבאו אל־האשה לילה ויאמר קסומי־נא לי
באוב והעלי לי את אשר־אמר אליך׃ ותאמר האשה ט
אליו הנה אתה ידעת את אשר־עשה שאול אשר הכרית
את־האבות ואת־הידעני מן־הארץ ולמה אתה מתנקש
בנפשי להמיתני׃ וישבע לה שאול ביהוה לאמר חי־ י
יהוה אם־יקרך עון בדבר הזה׃ ותאמר האשה את־מי יא
אעלה־לך ויאמר את־שמואל העלי־לי׃ ותרא האשה יב
את־שמואל ותזעק בקול גדול ותאמר האשה אל־שאול ׀
לאמר למה רמיתני ואתה שאול׃ ויאמר לה המלך אל־ יג
תיראי כי מה ראית ותאמר האשה אל־שאול אלהים
ראיתי עלים מן־הארץ׃ ויאמר לה מה־תארו ותאמר יד
איש זקן עלה והוא עטה מעיל וידע שאול כי־שמואל
הוא ויקד אפים ארצה וישתחו׃ ויאמר שמואל אל־ טו
שאול למה הרגזתני להעלות אתי ויאמר שאול צר־לי
מאד ופלשתים ׀ נלחמים בי ואלהים סר מעלי ולא־ענני
עוד גם ביד־הנביאים גם־בחלמות ואקראה לך להודיעני
מה אעשה׃ ויאמר שמואל ולמה תשאלני ויהוה סר טז
מעליך ויהי ערך׃ ויעש יהוה לו כאשר דבר בידי יז
ויקרע יהוה את־הממלכה מידך ויתנה לרעך לדוד׃
כאשר לא־שמעת בקול יהוה ולא־עשית חרון־אפו יח
בעמלק על־כן הדבר הזה עשה־לך יהוה היום הזה׃
ויתן יהוה גם את־ישראל עמך ביד־פלשתים ומחר אתה יט
ובניך עמי גם את־מחנה ישראל יתן יהוה ביד־פלשתים׃
וימהר שאול ויפל מלא־קומתו ארצה וירא מאד מדברי כ

ח׳ יתיר ו   י׳ הק׳ דגושה   יב׳ קמץ בסרחא   טז׳ ס״א הנ׳ בפתח

7 האָט שָׁאוּל געזאָגט צו זײַנע קנעכט: זוכט מיר אויף אַ פרוי אַ גײַסטערזעערין, און איך וועל גיין צו איר, און וועל בײַ איר פרעגן. האָבן זײַנע קנעכט צו אים געזאָגט: אָט איז דאָ אַ פרוי אַ גײַסטערזעערין אין עֵין־דוֹר.

8 האָט שָׁאוּל זיך פאַרשטעלט, און ער האָט אָנגעטאָן אַנדערע בגדים, און ער איז געגאַנגען, און צוויי מענער מיט אים. און זיי זײַנען געקומען צו דער פרוי בײַ נאַכט, און ער האָט געזאָגט: וואָרזאָג מיר, איך בעט דיך, דורך אַ גײַסט, און ברענג מיר אויף דעם וואָס איך וועל דיר זאָגן. 9 האָט די פרוי צו אים געזאָגט: זע, דו ווייסט וואָס שָׁאוּל האָט געטאָן, ווי ער האָט פאַרשניטן די גײַסטער־זעער און די טויטנבאַשווערער פון לאַנד, און פאַרוואָס לייגסטו אַ שטרויכלונג פאַר מײַן לעבן מיך צו טייטן?

10 האָט שָׁאוּל איר געשוואָרן בײַ גאָט, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי גאָט לעבט, אויב דיר וועט געשען אַ שטראָף וועגן דערדאָזיקער זאַך! 11 האָט די פרוי געזאָגט: וועמען זאָל איך דיר אויפברענגען: האָט ער געזאָגט: שמואלן ברענג מיר אויף.

12 און ווי די פרוי האָט דערזען שמואלן, אַזוי האָט זי אויסגעשריִען אויף אַ הויכן קָול; און די פרוי האָט געזאָגט צו שָׁאוּלן, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס האָסטו מיך גענאַרט? דו ביסט דאָך שָׁאוּל. 13 האָט דער מלך צו איר געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן; וואָס זעסטו דען? האָט די פרוי געזאָגט צו שָׁאוּלן: אַ גאָט זע איך אַרויפגיין פון דער ערד.

14 האָט ער צו איר געזאָגט: וואָס איז זײַן געשטאַלט? האָט זי געזאָגט: אַן אַלטער מאַן קומט אַרויף, און ער איז אײַנגעוויקלט אין אַ מאַנטל.

האָט שָׁאוּל געוווּסט אַז דאָס איז שמואל, און ער האָט זיך גענייגט מיטן פּנים צו דער ערד, און זיך געבוקט.

15 האָט שמואל געזאָגט צו שָׁאוּלן: פאַרוואָס האָסטו מײַן רו געשטערט, מיך אויפצוברענגען? האָט שָׁאוּל געזאָגט: מיך האָט זייער צוגעדריקט, וואָרום די פלִשתּים האַלטן מלחמה אויף מיר, און גאָט האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר, און ער ענטפערט מיר ניט מער, ניט דורך נביאים, ניט דורך חלומות; האָב איך דיך גערופן, מיך צו לאָזן וויסן, וואָס איך זאָל טאָן.

16 האָט שמואל געזאָגט: און נאָך וואָס פרעגסטו מיך, אַז גאָט האָט זיך אָפּגעטאָן פון דיר, און איז געוואָרן דײַן פײַנט? 17 און גאָט האָט פאַר זיך געטאָן וואָס ער האָט גערעדט דורך מיר, און גאָט האָט אַוועקגעריסן די מלוכה פון דײַן האַנט, און האָט זי געגעבן צו אַן אַנדערן, צו דודן. 18 אַזוי ווי דו האָסט ניט צוגעהערט צו דעם קָול פון גאָט, און האָסט ניט אויסגעפירט זײַן גרימצאָרן אויף עֲמָלֵק, דרום האָט גאָט געטאָן צו דיר דידאָזיקע זאַך הײַנטיקן טאָג. 19 און גאָט וועט אויך געבן ישׂראל מיט דיר אין דער האַנט פון די פלִשתּים. און מאָרגן וועסט דו און דײַנע זין זײַן מיט מיר. אויך דעם חיל פון ישׂראל וועט גאָט געבן אין דער האַנט פון די פלִשתּים.

20 איז שָׁאוּל באַלד אַנידערגעפאַלן ווי הויך ער איז אויף דער ערד, און ער האָט זייער מורא געהאַט פאַר די ווערטער

פון שמואלן; אויך האָט ער קיין כּוח ניט געהאַט, ווייל ער האָט ניט געהאַט געגעסן קיין ברויט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט.

21 איז די פרוי צוגעגאַנגען צו שָאולן, און זי האָט געזען אַז ער איז זייער דערשראָקן, און זי האָט צו אים געזאָגט: זע, דיין דינסט האָט צוגעהערט צו דיין קָול, און איך האָב גענומען מיין לעבן אין מיין האַנט, און האָב געהאָרכט צו דיינע ווערטער וואָס דו האָסט גערעדט צו מיר. 22 און אַצונד, איך בעט דיך, הער דו אויך צו דעם קָול פון דיין דינסט, און לאָמיך לייגן פאַר דיר אַ שטיקל ברויט, און עס, און וועסט האָבן כּוח, אַז דו וועסט גיין אין וועג.

23 האָט ער ניט געוואָלט, און ער האָט געזאָגט: איך וועל ניט עסן. אָבער זיינע קנעכט און אויך די פרוי זיינען צוגעשטאַנען צו אים, און ער האָט צוגעהערט צו זייער קָול, און ער איז אויפגעשטאַנען פון דער ערד, און האָט זיך געזעצט אויפן בעט.

24 און די פרוי האָט געהאַט אַ געשטאָפּט קאַלב אין הויז, האָט זי געאיילט און האָט עס געשאָכטן, און זי האָט גענומען מעל און פאַרקנעטן, און האָט דערפון אויסגעבאַקט אומגעזייערט ברויט. 25 און זי האָט דערלאַנגט פאַר שָאולן און פאַר זיינע קנעכט, און זיי האָבן געגעסן. און זיי זיינען אויפגעשטאַנען און זיינען אַוועקגעגאַנגען אין דער אייגענער נאַכט.

שְׁמוּאֵל גַּם־כֹּחַ לֹא־הָיָה בּוֹ כִּי לֹא אָכַל לֶחֶם כָּל־הַיּוֹם
כא וְכָל־הַלָּיְלָה׃ וַתָּבוֹא הָאִשָּׁה אֶל־שָׁאוּל וַתֵּרֶא כִּי־נִבְהַל
מְאֹד וַתֹּאמֶר אֵלָיו הִנֵּה שָׁמְעָה שִׁפְחָתְךָ בְּקוֹלֶךָ וָאָשִׂים
כב נַפְשִׁי בְּכַפִּי וָאֶשְׁמַע אֶת־דְּבָרֶיךָ אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ אֵלָי׃ וְעַתָּה
שְׁמַע־נָא גַם־אַתָּה בְּקוֹל שִׁפְחָתֶךָ וְאָשִׂמָה לְפָנֶיךָ פַּת־
כג לֶחֶם וֶאֱכוֹל וִיהִי בְךָ כֹּחַ כִּי תֵלֵךְ בַּדָּרֶךְ׃ וַיְמָאֵן וַיֹּאמֶר
לֹא אֹכַל וַיִּפְרְצוּ־בוֹ עֲבָדָיו וְגַם־הָאִשָּׁה וַיִּשְׁמַע לְקֹלָם
כד וַיָּקָם מֵהָאָרֶץ וַיֵּשֶׁב אֶל־הַמִּטָּה׃ ׳ וְלָאִשָּׁה עֵגֶל־מַרְבֵּק
בַּבַּיִת וַתְּמַהֵר וַתִּזְבָּחֵהוּ וַתִּקַּח־קֶמַח וַתָּלָשׁ וַתֹּפֵהוּ מַצּוֹת׃
כה וַתַּגֵּשׁ לִפְנֵי־שָׁאוּל וְלִפְנֵי עֲבָדָיו וַיֹּאכֵלוּ וַיָּקֻמוּ וַיֵּלְכוּ
בַּלַּיְלָה הַהוּא׃

כט

א וַיִּקְבְּצוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־כָּל־מַחֲנֵיהֶם אֲפֵקָה וְיִשְׂרָאֵל חֹנִים
ב בַּעַיִן אֲשֶׁר בְּיִזְרְעֶאל׃ וְסַרְנֵי פְלִשְׁתִּים עֹבְרִים לְמֵאוֹת
וְלַאֲלָפִים וְדָוִד וַאֲנָשָׁיו עֹבְרִים בָּאַחֲרֹנָה עִם־אָכִישׁ׃
ג וַיֹּאמְרוּ שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים מָה הָעִבְרִים הָאֵלֶּה וַיֹּאמֶר אָכִישׁ
אֶל־שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים הֲלוֹא־זֶה דָוִד עֶבֶד ׀ שָׁאוּל מֶלֶךְ־
יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הָיָה אִתִּי זֶה יָמִים אוֹ־זֶה שָׁנִים וְלֹא־מָצָאתִי
ד בוֹ מְאוּמָה מִיּוֹם נָפְלוֹ עַד־הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיִּקְצְפוּ עָלָיו
שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים וַיֹּאמְרוּ לוֹ שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים הָשֵׁב אֶת־הָאִישׁ
וְיָשֹׁב אֶל־מְקוֹמוֹ אֲשֶׁר הִפְקַדְתּוֹ שָׁם וְלֹא־יֵרֵד עִמָּנוּ
בַּמִּלְחָמָה וְלֹא־יִהְיֶה־לָּנוּ לְשָׂטָן בַּמִּלְחָמָה וּבַמֶּה יִתְרַצֶּה
ה זֶה אֶל־אֲדֹנָיו הֲלוֹא בְּרָאשֵׁי הָאֲנָשִׁים הָהֵם׃ הֲלוֹא־זֶה
דָוִד אֲשֶׁר יַעֲנוּ־לוֹ בַּמְּחֹלוֹת לֵאמֹר הִכָּה שָׁאוּל בַּאֲלָפָו
ו וְדָוִד בְּרִבְבֹתָו׃ וַיִּקְרָא אָכִישׁ אֶל־דָּוִד וַיֹּאמֶר אֵלָיו
חַי־יְהוָה כִּי־יָשָׁר אַתָּה וְטוֹב בְּעֵינַי צֵאתְךָ וּבֹאֲךָ אִתִּי
בַּמַּחֲנֶה כִּי לֹא־מָצָאתִי בְךָ רָעָה מִיּוֹם בֹּאֲךָ אֵלַי עַד־

כח, כד׳ חצי הספר בפסוקים   כט, ה׳ באלפיו ק   ברבבתו ק

## כט

1 און די פלשתים האָבן איינגעזאַמלט זייערע מחנות קיין אַפֵק; און די ישׂראל האָבן געלאַגערט ביי דעם קוואַל וואָס אין יִזרְעֶאל. 2 און די פירשטן פון די פלשתים זיינען פאַרבייגעגאַנגען אין הונדערטן און אין טויזנטן, און דוד און זיינע מענטשן זיינען פאַרבייגעגאַנגען צולעצט מיט אָכישן.

3 האָבן די האַרן פון די פלשתים געזאָגט: וואָס טוען דאָ דידאָזיקע עבֿרים? האָט אָכיש געזאָגט צו די האַרן פון די פלשתים: דאָס איז דאָך דוד דער קנעכט פון שָאול דעם מלך פון ישׂראל, וואָס איז ביי מיר שוין טעג אָדער שוין יאָרן, און איך האָב אין אים קיין שום בייז ניט געפונען פון דעם טאָג וואָס ער איז צוגעפאַלן [צו מיר] ביז היינטיקן טאָג. 4 האָבן די האַרן פון די פלשתים געצערנט אויף אים, און די האַרן פון די פלשתים האָבן צו אים געזאָגט: קער אום דעם מאַן, און זאָל ער זיך אומקערן צו זיין אָרט וואָס דו האָסט אים דאָרטן אַריינגעזעצט, און זאָל ער ניט נידערן מיט אונדז אין דער מלחמה, כּדי ער זאָל אונדז ניט זיין פאַר אַ שטער אין דער מלחמה; וואָרום מיט וואָס וועט דערדאָזיקער זיך איבערבעטן מיט זיין האַר, אויב ניט מיט די קעפּ פון דידאָזיקע מענטשן? 5 איז דאָס ניט דער דוד, וואָס מע האָט פאַר אים געזונגען מיט טענץ, אַזוי צו זאָגן:

שָאול האָט געשלאָגן אין זיינע טויזנטן,
און דוד אין זיינע צענטויזנטן?

6 האָט אָכיש גערופן דודן, און האָט צו אים געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, אַז דו ביסט רעכטפאַרטיק, און דיין אַרויסגיין און דיין אַריינגיין מיט מיר אין חיל איז גוט אין מיינע אויגן, וואָרום איך האָב קיין שלעכטס אין דיר ניט געפונען פון דעם

הַיּוֹם הַזֶּה וּבְעֵינֵי הַסְּרָנִים לֹא־טוֹב אָתָּה׃ וְעַתָּה שׁוּב וְלֵךְ ז
בְּשָׁלוֹם וְלֹא־תַעֲשֶׂה רָע בְּעֵינֵי סַרְנֵי פְלִשְׁתִּים׃ וַיֹּאמֶר ח
דָּוִד אֶל־אָכִישׁ כִּי מֶה עָשִׂיתִי וּמַה־מָּצָאתָ בְעַבְדְּךָ מִיּוֹם
אֲשֶׁר הָיִיתִי לְפָנֶיךָ עַד הַיּוֹם הַזֶּה כִּי לֹא אָבוֹא וְנִלְחַמְתִּי
בְּאֹיְבֵי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיַּעַן אָכִישׁ וַיֹּאמֶר אֶל־דָּוִד יָדַעְתִּי כִּי ט
טוֹב אַתָּה בְּעֵינַי כְּמַלְאַךְ אֱלֹהִים אַךְ שָׂרֵי פְלִשְׁתִּים
אָמְרוּ לֹא־יַעֲלֶה עִמָּנוּ בַּמִּלְחָמָה׃ וְעַתָּה הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר י
וְעַבְדֵי אֲדֹנֶיךָ אֲשֶׁר־בָּאוּ אִתָּךְ וְהִשְׁכַּמְתֶּם בַּבֹּקֶר וְאוֹר לָכֶם
וָלֵכוּ׃ וַיַּשְׁכֵּם דָּוִד הוּא וַאֲנָשָׁיו לָלֶכֶת בַּבֹּקֶר לָשׁוּב אֶל־ יא
אֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים וּפְלִשְׁתִּים עָלוּ יִזְרְעֶאל׃

ל

וַיְהִי בְּבֹא דָוִד וַאֲנָשָׁיו צִקְלַג בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי וַעֲמָלֵקִי א
פָשְׁטוּ אֶל־נֶגֶב וְאֶל־צִקְלַג וַיַּכּוּ אֶת־צִקְלַג וַיִּשְׂרְפוּ אֹתָהּ
בָּאֵשׁ׃ וַיִּשְׁבּוּ אֶת־הַנָּשִׁים אֲשֶׁר־בָּהּ מִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל לֹא ב
הֵמִיתוּ אִישׁ וַיִּנְהֲגוּ וַיֵּלְכוּ לְדַרְכָּם׃ וַיָּבֹא דָוִד וַאֲנָשָׁיו אֶל־ ג
הָעִיר וְהִנֵּה שְׂרוּפָה בָּאֵשׁ וּנְשֵׁיהֶם וּבְנֵיהֶם וּבְנֹתֵיהֶם
נִשְׁבּוּ׃ וַיִּשָּׂא דָוִד וְהָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ אֶת־קוֹלָם וַיִּבְכּוּ עַד ד
אֲשֶׁר אֵין־בָּהֶם כֹּחַ לִבְכּוֹת׃ וּשְׁתֵּי נְשֵׁי־דָוִד נִשְׁבּוּ אֲחִינֹעַם ה
הַיִּזְרְעֵלִית וַאֲבִיגַיִל אֵשֶׁת נָבָל הַכַּרְמְלִי׃ וַתֵּצֶר לְדָוִד ו
מְאֹד כִּי־אָמְרוּ הָעָם לְסָקְלוֹ כִּי־מָרָה נֶפֶשׁ כָּל־הָעָם אִישׁ
עַל־בְּנָו וְעַל־בְּנֹתָיו וַיִּתְחַזֵּק דָּוִד בַּיהוָה אֱלֹהָיו׃
וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן בֶּן־אֲחִימֶלֶךְ הַגִּישָׁה־נָּא ז
לִּי הָאֵפֹד וַיַּגֵּשׁ אֶבְיָתָר אֶת־הָאֵפֹד אֶל־דָּוִד׃ וַיִּשְׁאַל ח
דָּוִד בַּיהוָה לֵאמֹר אֶרְדֹּף אַחֲרֵי הַגְּדוּד־הַזֶּה הַאַשִּׂגֶנּוּ
וַיֹּאמֶר לוֹ רְדֹף כִּי־הַשֵּׂג תַּשִּׂיג וְהַצֵּל תַּצִּיל׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִד ט
הוּא וְשֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ אֲשֶׁר אִתּוֹ וַיָּבֹאוּ עַד־נַחַל הַבְּשׂוֹר
וְהַנּוֹתָרִים עָמָדוּ׃ וַיִּרְדֹּף דָּוִד הוּא וְאַרְבַּע־מֵאוֹת אִישׁ י

ל, ו׳ בניו ק

טאָג וואָס דו ביסט צו מיר געקומען ביז הײַנטיקן טאָג. אָבער אין די אויגן פון די פירשטן ביסטו ניט ווילגעפעלן. 7 און אַצונד קער זיך אום, און גיי בשלום, כּדי זאָלסט ניט טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון די פירשטן פון די פּלשתּים.

8 האָט דוד געזאָגט צו אָכישן: אָבער וואָס האָב איך געטאָן, און וואָס האָסטו געפונען אין דײַן קנעכט פון דעם טאָג וואָס איך בין בײַ דיר ביז הײַנטיקן טאָג, אַז איך זאָל ניט קומען און מלחמה האַלטן אַקעגן די פײַנט פון מײַן האַר דעם מלך?

9 האָט אָכיש געענטפערט און האָט געזאָגט צו דודן: איך ווייס אַז דו ביסט גוט אין מײַנע אויגן אַזוי ווי אַ מלאך פון גאָט, אָבער די האַרן פון די פּלשתּים האָבן געזאָגט: ער זאָל ניט אַרויפגיין מיט אונדז אין דער מלחמה. 10 און אַצונד, פעדער זיך אין דער פרי מיט די קנעכט פון דײַן האַר וואָס זײַנען געקומען מיט דיר, און ווי איר וועט אײַך פעדערן אין דער פרי, און אײַך ווערט ליכטיק, אַזוי גייט אַוועק.

11 האָט דוד זיך געפעדערט, ער און זײַנע מענטשן, אַוועקצוגיין אין דער פרי, זיך אומצוקערן אין לאַנד פון די פּלשתּים. און די פּלשתּים זײַנען אַרויפגעגאַנגען קיין יִזְרְעֶאל.

ל

1 און עס איז געווען, אַז דוד און זײַנע מענטשן זײַנען געקומען אויפן דריטן טאָג קיין ציקלַג, ערשט די עֲמָלֵקים זײַנען אָנגעפאַלן אויפן דָרום, און אויף ציקלַג, און זיי האָבן געשלאָגן ציקלַג, און האָבן זי פאַרברענט אין פײַער. 2 און זיי האָבן געפאַנגען די ווײַבער [און אַלע] וואָס אין איר, פון קליין ביז גרויס; זיי האָבן קיינעם ניט געטייט, נאָר זיי האָבן זיי אַוועקגעפירט, און זײַנען געגאַנגען אויף זייער וועג. 3 און ווי דוד און זײַנע מענטשן זײַנען געקומען אין שטאָט, ערשט זי איז פאַרברענט אין פײַער, און זייערע ווײַבער און זייערע זין און זייערע טעכטער זײַנען געפאַנגען געוואָרן.

4 האָט דוד און דאָס פאָלק וואָס מיט אים אויפגעהויבן זייער קול און געוויינט, ביז זיי האָבן מער קיין כּוח ניט גע־האַט צו וויינען.

5 אויך בײדע ווײַבער פון דודן זײַנען געפאַנגען געוואָרן, אַחינוֹעַם פון יִזְרְעֶאל, און אַביגַיִל די ווײַב פון נָבָלן פון כַּרמֶל.

6 און דודן האָט זייער צוגעדריקט, וואָרום דאָס פאָלק האָט גערעדט אים צו פאַרשטיינען, ווײַל דאָס געמיט פון גאַנצן פאָלק איז געווען פאַרביטערט, איטלעכער איבער זײַנע זין און איבער זײַנע טעכטער. אָבער דוד האָט זיך גע־שטאַרקט מיט יהוה זײַן גאָט. 7 און דוד האָט געזאָגט צו אֶבְיָתָר דעם כּהן, אַחימֶלֶכס זון: גענען מיר, איך בעט דיך, דעם אֵפוֹד. האָט אֶבְיָתָר גענענט דעם אֵפוֹד צו דודן. 8 און דוד האָט געפרעגט בײַ גאָט, אַזוי צו זאָגן: זאָל איך נאָכיאָגן די־דאָזיקע מחנה? וועל איך זי אָניאָגן? האָט ער צו אים געזאָגט: יאָג נאָך, וואָרום אָניאָגן וועסטו אָניאָגן, און מציל זײַן וועסטו מציל זײַן.

9 איז דוד געגאַנגען, ער און די זעקס הונדערט מאַן וואָס מיט אים, און זיי זײַנען געקומען צום טײַך בשׂור; און די צוריקגעבליבענע האָבן זיך אָפּגעשטעלט. 10 און דוד האָט נאָכגעיאָגט, ער און פיר הונדערט מאַן; און

צוויי הונדערט מאַן האָבן זיך אָפּגעשטעלט, די וואָס זיינען געווען צו אָפּגעשלאָפּט אַריבערצוגיין דעם טייך בשור.

11 און זיי האָבן געפֿונען אין פעלד אַ מאַן אַ מצרי, און האָבן אים געבראַכט צו דודן; און זיי האָבן אים געגעבן ברויט, און ער האָט געגעסן, און זיי האָבן אים געגעבן טרינקען וואַסער; 12 און זיי האָבן אים געגעבן אַ שטיק געפּרעסטע פייגן, און צוויי בינטלעך ראָזינקעס; און ער האָט געגעסן, און האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, וואָרום ער האָט ניט געהאַט געגעסן קיין ברויט און ניט געטרונקען קיין וואַסער דריי טעג און דריי נעכט.

13 האָט דוד צו אים געזאָגט: צו וועמען געהערסטו, און פֿון וואַנען ביסטו? האָט ער געזאָגט: איך בין אַ מצרישער יונג, אַ קנעכט ביי אַ מאַן פֿון עמלק, און מיין האַר האָט מיך איבערגעלאָזן, ווייל איך בין קראַנק געוואָרן מיט דריי טעג צוריק. 14 מיר זיינען אָנגעפֿאַלן אויף דעם דרום פֿון דעם כּרתי, און אויף וואָס געהערט צו יהודה, און אויף דעם דרום פֿון כּלב; און ציקלג האָבן מיר פֿאַרברענט אין פֿייער. 15 האָט דוד צו אים געזאָגט: וועסטו מיך אַראָפּפֿירן צו דער דאָזיקער מחנה? האָט ער געזאָגט: שווער מיר ביי גאָט, אויב דו וועסט מיך טייטן, און אויב דו וועסט מיך איבערענטפֿערן אין דער האַנט פֿון מיין האַר, און איך וועל דיך אַראָפּפֿירן צו דער דאָזיקער מחנה.

16 האָט ער אים אַראָפּגעפֿירט, ערשט זיי זיינען פֿאַרשפּרייט אויפֿן געזיכט פֿון גאַנצן לאַנד, און זיי עסן און טרינקען און הוליען איבער אַלדעם גרויסן רויב וואָס זיי האָבן גענומען פֿון לאַנד פֿון די פּלשתּים, און פֿון לאַנד יהודה.

17 האָט דוד זיי געשלאָגן פֿון פֿאַרנאַכט ביז אויף מאָרגן אין אָוונט, און פֿון זיי איז ניט אַנטרונען געוואָרן אַ מאַן, אַחוץ פֿיר הונדערט יונגע מענער וואָס זיינען געריטן אויף קעמלען, און זיינען אַנטלאָפֿן. 18 און דוד האָט מציל געווען אַלץ וואָס עמלק האָט צוגענומען; אויך זיינע צוויי ווייבער האָט דוד מציל געווען. 19 און ביי זיי איז גאָרנישט געמינערט געוואָרן פֿון מינדסטן ביזן גרעסטן, סיי זין און טעכטער, סיי פֿון רויב, סיי אַלץ וואָס ־יענע האָבן צוגענומען פֿאַר זיך; אַלץ האָט דוד צוריקגעבראַכט. 20 אויך האָט דוד צוגענומען אַלע [ווייערע] שאָף און רינדער. האָט מען זיי געפֿירט פֿאַרויס פֿאַר יענעם פֿי, און מע האָט געזאָגט: דאָס איז דודס רויב.

21 און דוד איז געקומען צו די צוויי הונדערט מאַן וואָס זיינען געווען צו אָפּגעשלאָפּט צו גיין הינטער דודן, און מע האָט זיי געלאָזט זיצן ביים טייך בשור. און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען אַנטקעגן דודן און אַנטקעגן דעם פֿאָלק וואָס מיט אים. און דוד האָט גענענעט צו דעם פֿאָלק, און האָט זיי געפֿרעגט אויף פֿריד.

22 האָבן זיך אָפּגערופֿן אַלע שלעכטע און נידערטרעכטיקע לייט פֿון די מענטשן וואָס זיינען געגאַנגען מיט דודן, און זיי האָבן געזאָגט: ווייל זיי זיינען ניט געגאַנגען מיט אונדז, וועלן מיר זיי ניט געבן פֿון דעם רויב וואָס מיר האָבן מציל געווען, נאָר בלויז איטלעכן זיין ווייב און זיינע קינדער, וואָס זיי מעגן אַוועקפֿירן און גיין.

23 האָט דוד געזאָגט: איר זאָלט אַזוי ניט טאָן, מיינע ברידער, מיט דעם וואָס גאָט האָט אונדז געגעבן,

ויעמדו מאתים איש אשר פגרו מעבר את־נחל הבשור׃
יא וימצאו איש־מצרי בשדה ויקחו אתו אל־דוד ויתנו־לו
יב לחם ויאכל וישקהו מים׃ ויתנו־לו פלח דבלה ושני
צמקים ויאכל ותשב רוחו אליו כי לא־אכל לחם ולא־
יג שתה מים שלשה ימים ושלשה לילות׃ ויאמר
לו דוד למי־אתה ואי מזה אתה ויאמר נער מצרי אנכי
עבד לאיש עמלקי ויעזבני אדני כי חליתי היום שלשה׃
יד אנחנו פשטנו נגב הכרתי ועל־אשר ליהודה ועל־נגב
טו כלב ואת־צקלג שרפנו באש׃ ויאמר אליו דוד התורדני
אל־הגדוד הזה ויאמר השבעה לי באלהים אם־תמיתני
טז ואם־תסגרני ביד־אדני ואורדך אל־הגדוד הזה׃ וירדהו
והנה נטשים על־פני כל־הארץ אכלים ושתים וחגגים
בכל השלל הגדול אשר לקחו מארץ פלשתים ומארץ
יז יהודה׃ ויכם דוד מהנשף ועד־הערב למחרתם ולא־
נמלט מהם איש כי אם־ארבע מאות איש־נער אשר־
יח רכבו על־הגמלים וינסו׃ ויצל דוד את כל־אשר לקחו
יט עמלק ואת־שתי נשיו הציל דוד׃ ולא נעדר־להם מן
הקטן ועד־הגדול ועד־בנים ובנות ומשלל ועד כל־אשר
כ לקחו להם הכל השיב דוד׃ ויקח דוד את־כל־הצאן
והבקר נהגו לפני המקנה ההוא ויאמרו זה שלל דוד׃
כא ויבא דוד אל־מאתים האנשים אשר־פגרו | מלכת | אחרי
דוד וישיבם בנחל הבשור ויצאו לקראת דוד ולקראת
העם אשר אתו ויגש דוד את־העם וישאל להם לשלום׃
כב ויען כל־איש | רע ובליעל מהאנשים אשר הלכו
עם־דוד ויאמרו יען אשר לא־הלכו עמי לא־נתן להם
מהשלל אשר הצלנו כי אם־איש את־אשתו ואת־בניו
כג וינהגו וילכו׃ ויאמר דוד לא־תעשו כן אחי את אשר־

כב׳ כא עמס   פתח באתנח

נָתַן יְהוָה לָנוּ וַיִּשְׁמֹר אֹתָנוּ וַיִּתֵּן אֶת־הַגְּדוּד הַבָּא עָלֵינוּ
בְּיָדֵנוּ׃ וּמִי יִשְׁמַע לָכֶם לַדָּבָר הַזֶּה כִּי כְּחֵלֶק ׀ הַיֹּרֵד כד
בַּמִּלְחָמָה וּכְחֵלֶק הַיֹּשֵׁב עַל־הַכֵּלִים יַחְדָּו יַחֲלֹקוּ׃
וַיְהִי מֵהַיּוֹם הַהוּא וָמָעְלָה וַיְשִׂמֶהָ לְחֹק וּלְמִשְׁפָּט לְיִשְׂרָאֵל כה
עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיָּבֹא דָוִד אֶל־צִקְלַג וַיְשַׁלַּח מֵהַשָּׁלָל כו
לְזִקְנֵי יְהוּדָה לְרֵעֵהוּ לֵאמֹר הִנֵּה לָכֶם בְּרָכָה מִשְּׁלַל
אֹיְבֵי יְהוָה׃ לַאֲשֶׁר בְּבֵית־אֵל וְלַאֲשֶׁר בְּרָמוֹת־נֶגֶב וְלַאֲשֶׁר כז
בְּיַתִּר׃ וְלַאֲשֶׁר בַּעֲרֹעֵר וְלַאֲשֶׁר בְּשִׂפְמוֹת וְלַאֲשֶׁר כח
בְּאֶשְׁתְּמֹעַ׃ וְלַאֲשֶׁר בְּרָכָל וְלַאֲשֶׁר בְּעָרֵי הַיְּרַחְמְאֵלִי כט
וְלַאֲשֶׁר בְּעָרֵי הַקֵּינִי׃ וְלַאֲשֶׁר בְּחָרְמָה וְלַאֲשֶׁר בְּבוֹר־ ל
עָשָׁן וְלַאֲשֶׁר בַּעֲתָךְ׃ וְלַאֲשֶׁר בְּחֶבְרוֹן וּלְכָל־הַמְּקֹמוֹת לא
אֲשֶׁר־הִתְהַלֶּךְ־שָׁם דָּוִד הוּא וַאֲנָשָׁיו׃

## לא

וּפְלִשְׁתִּים נִלְחָמִים בְּיִשְׂרָאֵל וַיָּנֻסוּ אַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל מִפְּנֵי א
פְּלִשְׁתִּים וַיִּפְּלוּ חֲלָלִים בְּהַר הַגִּלְבֹּעַ׃ וַיַּדְבְּקוּ פְלִשְׁתִּים ב
אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־בָּנָיו וַיַּכּוּ פְלִשְׁתִּים אֶת־יְהוֹנָתָן וְאֶת־אֲבִינָדָב
וְאֶת־מַלְכִּישׁוּעַ בְּנֵי שָׁאוּל׃ וַתִּכְבַּד הַמִּלְחָמָה אֶל־שָׁאוּל ג
וַיִּמְצָאֻהוּ הַמּוֹרִים אֲנָשִׁים בַּקָּשֶׁת וַיָּחֶל מְאֹד מֵהַמּוֹרִים׃
וַיֹּאמֶר שָׁאוּל לְנֹשֵׂא כֵלָיו שְׁלֹף חַרְבְּךָ ׀ וְדָקְרֵנִי בָהּ פֶּן־ ד
יָבוֹאוּ הָעֲרֵלִים הָאֵלֶּה וּדְקָרֻנִי וְהִתְעַלְּלוּ־בִי וְלֹא אָבָה
נֹשֵׂא כֵלָיו כִּי יָרֵא מְאֹד וַיִּקַּח שָׁאוּל אֶת־הַחֶרֶב וַיִּפֹּל
עָלֶיהָ׃ וַיַּרְא נֹשֵׂא־כֵלָיו כִּי מֵת שָׁאוּל וַיִּפֹּל גַּם־הוּא עַל־ ה
חַרְבּוֹ וַיָּמָת עִמּוֹ׃ וַיָּמָת שָׁאוּל וּשְׁלֹשֶׁת בָּנָיו וְנֹשֵׂא כֵלָיו ו
גַּם כָּל־אֲנָשָׁיו בַּיּוֹם הַהוּא יַחְדָּו׃ וַיִּרְאוּ אַנְשֵׁי־יִשְׂרָאֵל ז
אֲשֶׁר־בְּעֵבֶר הָעֵמֶק וַאֲשֶׁר ׀ בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן כִּי־נָסוּ אַנְשֵׁי
יִשְׂרָאֵל וְכִי־מֵתוּ שָׁאוּל וּבָנָיו וַיַּעַזְבוּ אֶת־הֶעָרִים וַיָּנֻסוּ
וַיָּבֹאוּ פְלִשְׁתִּים וַיֵּשְׁבוּ בָּהֶן׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיָּבֹאוּ ח

ל, כד׳ הירד קי׳ ל׳ ס״א בבור

אַז ער האָט אונדז אָפּגעהיט, און האָט געגעבן די מחנה וואָס איז אויף אונדז געקומען, אין אונדזער האַנט. [24] און ווער וועט זיך צוהערן צו אײַך אין דערדאָזיקער זאַך? וואָרום אַזוי ווי דער חלק פֿון דעם וואָס נידערט אין מלחמה אַזוי איז דער חלק פֿון דעם וואָס בלײַבט בײַ די זאַכן; גלײַך זאָלן זיי זיך טיילן.

[25] און אַזוי איז געווען פֿון יענעם טאָג אָן און ווײַטער; און מע האָט עס געמאַכט פֿאַר אַ חָק און פֿאַר אַ געזעץ פֿאַר ישׂראל ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

[26] און דוד איז געקומען קיין צִיקלַג, און האָט געשיקט פֿון דעם רויב צו די עלטסטע פֿון יהודה, צו זײַנע גוטע פֿרײַנד, אַזוי צו זאָגן: נאַט אײַך אַ מתּנה פֿון דעם רויב פֿון גאָטס פֿײַנט; [27] צו די וואָס אין בֵּית־אֵל, און צו די וואָס אין רָמוֹת פֿון דָרום, און צו די וואָס אין יַתִּיר; [28] און צו די וואָס אין עֲרוֹעֵר, און צו די וואָס אין שִׂפמוֹת, און צו די וואָס אין אֶשׁתּמוֹעַ; [29] און צו די וואָס אין רָכָל, און צו די וואָס אין די שטעט פֿון דעם יְרַחמְאֵלי, און צו די וואָס אין די שטעט פֿון דעם קֵיני; [30] און צו די וואָס אין חָרמָה, און צו די וואָס אין כּוֹר־עָשָׁן, און צו די וואָס אין עֲתָך; [31] און צו די וואָס אין חֶברוֹן, און צו אַלע ערטער וואָס דוד און זײַנע מענטשן זײַנען דאָרטן אַרומגעגאַנגען.

## לא

[1] און די פּלִשׁתּים האָבן מלחמה געהאַלטן אויף ישׂראל, און די מענער פֿון ישׂראל זײַנען אַנטלאָפֿן פֿאַר די פּלִשׁתּים, און זיי זײַנען געפֿאַלן דערשלאָגענע אויפֿן באַרג גִלבּוֹעַ. [2] און די פּלִשׁתּים האָבן אָנגעיאָגט שָׁאולן און זײַנע זין, און די פּלִשׁתּים האָבן דערשלאָגן יהוֹנָתָן, און אַבִינָדָב, און מַלכּישׁוּעַ, די זין פֿון שָׁאולן. [3] און די מלחמה איז געווען שווער אַקעגן שָׁאולן, און די שיסערס, די לײַט מיט די בויגנס, האָבן אים געפֿונען; און ער האָט זייער געציטערט פֿאַר די שיסערס. [4] האָט שָׁאול געזאָגט צו זײַן וואָפֿנטרעגער: ציִ אַרויס דײַן שווערד און דערשטעך מיך מיט איר, כּדי דידאָזיקע אומבאַשניטענע זאָלן ניט קומען, און מיך דערשטעכן, און מאַכן געשפּעט איבער מיר. אָבער זײַן וואָפֿנטרעגער האָט ניט געוואָלט, וואָרום ער האָט זייער מורא געהאַט. האָט שָׁאול גענומען די שווערד, און איז אַרויפֿגעפֿאַלן אויף איר. [5] און זײַן וואָפֿנטרעגער האָט געזען אַז שָׁאול איז געשטאָרבן, איז ער אויך אַרויפֿגעפֿאַלן אויף זײַן שווערד, און איז געשטאָרבן מיט אים. [6] און שָׁאול, און זײַנע דרײַ זין, און זײַן וואָפֿנטרעגער, אויך אַלע זײַנע מענטשן, זײַנען געשטאָרבן אין אײנעם אין יענעם טאָג.

[7] האָבן געזען די מענער פֿון ישׂראל וואָס אויף יענער זײַט טאָל, און וואָס אויף יענער זײַט יַרדן, אַז די מענער פֿון ישׂראל זײַנען אַנטלאָפֿן, און שָׁאול און זײַנע זין זײַנען טויט, און זיי האָבן פֿאַרלאָזן זייערע שטעט, און זײַנען אַנטלאָפֿן. און די פּלִשׁתּים זײַנען געקומען, און האָבן זיך באַזעצט אין זיי.

[8] און עס איז געווען אויף מאָרגן, זײַנען די פּלִשׁתּים געקומען אויסטאָן די דערשלאָגענע, און זיי האָבן

געפֿונען שָׁאולן און זײַנע דרײַ זין, געפֿאַלן אויפֿן באַרג
גִלבועַ. 9 און זײ האָבן אָפּגעשניטן זײַן קאָפּ, און אויסגע־
טאָן זײַנע וואָפֿן, און געשיקט אין לאַנד פֿון די פּלִשתּים
רונד אַרום, אָנצוזאָגן אין הויז פֿון זײערע געצנבילדער,
און דעם פֿאָלק. 10 און זײ האָבן אַהינגעטאָן זײַנע וואָפֿן
אין הויז פֿון עַשתָּרות, און זײַן טויטן לײַב האָבן זײ אויפֿ־
געשטאָכן אויף דער מויער פֿון בֵּית־שָׁן.
11 און די באַוווינער פֿון יָבֵיש־גִלעָד האָבן געהערט
װעגן אים — וואָס די פּלִשתּים האָבן געטאָן צו שָׁאולן.
12 זײַנען אויפֿגעשטאַנען אַלע העלדישע לײַט, און זײ זײַנען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, און האָבן אַראָפּגענומען דעם לײַב
פֿון שָׁאולן, און די לײַבער פֿון זײַנע זין, פֿון דער מויער פֿון בֵּית־שָׁן. און זײ זײַנען געקומען קײן יָבֵיש, און האָבן זײ
דאָרטן פֿאַרברענט. 13 און זײ האָבן גענומען זײערע בײנער, און באַגראָבן אונטער דעם טאַמאַריסקנבוים אין יָבֵיש; און
זײ האָבן געפֿאַסט זיבן טעג.

פְלִשְׁתִּים לְפַשֵּׁט אֶת־הַחֲלָלִים וַיִּמְצְאוּ אֶת־שָׁאוּל וְאֶת־
ט שְׁלֹשֶׁת בָּנָיו נֹפְלִים בְּהַר הַגִּלְבֹּעַ׃ וַיִּכְרְתוּ אֶת־רֹאשׁוֹ
וַיַּפְשִׁטוּ אֶת־כֵּלָיו וַיְשַׁלְּחוּ בְאֶרֶץ־פְּלִשְׁתִּים סָבִיב לְבַשֵּׂר
י בֵּית עֲצַבֵּיהֶם וְאֶת־הָעָם׃ וַיָּשִׂמוּ אֶת־כֵּלָיו בֵּית עַשְׁתָּרוֹת
יא וְאֶת־גְּוִיָּתוֹ תָּקְעוּ בְּחוֹמַת בֵּית שָׁן׃ וַיִּשְׁמְעוּ אֵלָיו יֹשְׁבֵי
יב יָבֵישׁ גִּלְעָד אֵת אֲשֶׁר־עָשׂוּ פְלִשְׁתִּים לְשָׁאוּל׃ וַיָּקוּמוּ כָּל־
אִישׁ חַיִל וַיֵּלְכוּ כָל־הַלַּיְלָה וַיִּקְחוּ אֶת־גְּוִיַּת שָׁאוּל וְאֵת
גְּוִיֹּת בָּנָיו מֵחוֹמַת בֵּית שָׁן וַיָּבֹאוּ יָבֵשָׁה וַיִּשְׂרְפוּ אֹתָם שָׁם׃
יג וַיִּקְחוּ אֶת־עַצְמֹתֵיהֶם וַיִּקְבְּרוּ תַחַת־הָאֶשֶׁל בְּיָבֵשָׁה וַיָּצֻמוּ
שִׁבְעַת יָמִים׃

# שְׁמוּאֵל ב

וַיְהִי אַחֲרֵי מוֹת שָׁאוּל וְדָוִד שָׁב מֵהַכּוֹת אֶת־הָעֲמָלֵק א
וַיֵּשֶׁב דָּוִד בְּצִקְלָג יָמִים שְׁנָיִם׃ וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי ב
וְהִנֵּה אִישׁ בָּא מִן־הַמַּחֲנֶה מֵעִם שָׁאוּל וּבְגָדָיו קְרֻעִים
וַאֲדָמָה עַל־רֹאשׁוֹ וַיְהִי בְּבֹאוֹ אֶל־דָּוִד וַיִּפֹּל אַרְצָה
וַיִּשְׁתָּחוּ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ דָּוִד אֵי מִזֶּה תָּבוֹא וַיֹּאמֶר אֵלָיו ג
מִמַּחֲנֵה יִשְׂרָאֵל נִמְלָטְתִּי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו דָּוִד מֶה־הָיָה ד
הַדָּבָר הַגֶּד־נָא לִי וַיֹּאמֶר אֲשֶׁר־נָס הָעָם מִן־הַמִּלְחָמָה
וְגַם־הַרְבֵּה נָפַל מִן־הָעָם וַיָּמֻתוּ וְגַם שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן בְּנוֹ
מֵתוּ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַנַּעַר הַמַּגִּיד לוֹ אֵיךְ יָדַעְתָּ כִּי־ ה
מֵת שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן בְּנוֹ׃ וַיֹּאמֶר הַנַּעַר ׀ הַמַּגִּיד לוֹ נִקְרֹא ו

א׳ הל׳ בקמץ

**א** 1 און עס איז געווען נאָך שָאולס טויט, אַז דוד האָט זיך געהאַט אומגעקערט פון שלאָגן עַמָלֵק, און דוד איז געזעסן אין ציקלַג צוויי טעג, 2 איז אויפן דריטן טאָג, ערשט אַ מאַן קומט אָן פון דעם לאַגער, פון שָאולן, און זיינע קליידער זיינען צעריסן, און ערד איז אויף זיין קאָפּ. און עס איז געווען, ווי ער איז געקומען צו דודן, אַזוי איז ער געפאַלן צו דער ערד, און האָט זיך געבוקט. 3 האָט דוד צו אים געזאָגט: פון וואַנען קומסטו? האָט ער צו אים געזאָגט: פון דעם לאַגער פון ישראל בין איך אַנטרונען געוואָרן. 4 האָט דוד צו אים געזאָגט: ווי איז די זאַך געווען? דערצייל מיר, איך בעט דיך. האָט ער געזאָגט: דאָס פאָלק איז אַנטלאָפן פון דער מלחמה, און אויך זיינען פיל פון דעם פאָלק געפאַלן און געשטאָרבן, און אויך שָאול און זיין זון יהונָתָן זיינען טויט. 5 האָט דוד געזאָגט צו דעם יונג וואָס האָט דאָס אים דער־ציילט: ווי אַזוי ווייסטו אַז שָאול און זיין זון יהונָתָן זיינען טויט? 6 האָט דער יונג וואָס האָט אים דאָס דערציילט, געזאָגט:

נִקְרֵיתִי בְּהַר הַגִּלְבֹּעַ וְהִנֵּה שָׁאוּל נִשְׁעָן עַל־חֲנִיתוֹ וְהִנֵּה
ז הָרֶכֶב וּבַעֲלֵי הַפָּרָשִׁים הִדְבִּקֻהוּ׃ וַיִּפֶן אַחֲרָיו וַיִּרְאֵנִי
ח וַיִּקְרָא אֵלָי וָאֹמַר הִנֵּנִי׃ וַיֹּאמֶר לִי מִי־אָתָּה וַיֹּאמֶר אֵלָיו
ט עֲמָלֵקִי אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלַי עֲמָד־נָא עָלַי וּמֹתְתֵנִי כִּי אֲחָזַנִי
י הַשָּׁבָץ כִּי־כָל־עוֹד נַפְשִׁי בִּי׃ וָאֶעֱמֹד עָלָיו וַאֲמֹתְתֵהוּ
כִּי יָדַעְתִּי כִּי לֹא יִחְיֶה אַחֲרֵי נִפְלוֹ וָאֶקַּח הַנֵּזֶר ׀ אֲשֶׁר עַל־
רֹאשׁוֹ וְאֶצְעָדָה אֲשֶׁר עַל־זְרֹעוֹ וָאֲבִיאֵם אֶל־אֲדֹנִי הֵנָּה׃
יא וַיַּחֲזֵק דָּוִד בִּבְגָדָו וַיִּקְרָעֵם וְגַם כָּל־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר אִתּוֹ׃
יב וַיִּסְפְּדוּ וַיִּבְכּוּ וַיָּצֻמוּ עַד־הָעָרֶב עַל־שָׁאוּל וְעַל־יְהוֹנָתָן בְּנוֹ
וְעַל־עַם יְהוָה וְעַל־בֵּית יִשְׂרָאֵל כִּי נָפְלוּ בֶּחָרֶב׃
יג וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַנַּעַר הַמַּגִּיד לוֹ אֵי מִזֶּה אָתָּה וַיֹּאמֶר בֶּן־
יד אִישׁ גֵּר עֲמָלֵקִי אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו דָּוִד אֵיךְ לֹא יָרֵאתָ
טו לִשְׁלֹחַ יָדְךָ לְשַׁחֵת אֶת־מְשִׁיחַ יְהוָה׃ וַיִּקְרָא דָוִד לְאַחַד
טז מֵהַנְּעָרִים וַיֹּאמֶר גַּשׁ פְּגַע־בּוֹ וַיַּכֵּהוּ וַיָּמֹת׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו
דָּוִד דָּמְיךָ עַל־רֹאשֶׁךָ כִּי פִיךָ עָנָה בְךָ לֵאמֹר אָנֹכִי מֹתַתִּי
יז אֶת־מְשִׁיחַ יְהוָה׃ וַיְקֹנֵן דָּוִד אֶת־הַקִּינָה הַזֹּאת עַל־
יח שָׁאוּל וְעַל־יְהוֹנָתָן בְּנוֹ׃ וַיֹּאמֶר לְלַמֵּד בְּנֵי־יְהוּדָה קָשֶׁת
יט הִנֵּה כְתוּבָה עַל־סֵפֶר הַיָּשָׁר׃ הַצְּבִי יִשְׂרָאֵל עַל־בָּמוֹתֶיךָ
כ חָלָל אֵיךְ נָפְלוּ גִבּוֹרִים׃ אַל־תַּגִּידוּ בְגַת אַל־תְּבַשְּׂרוּ
בְּחוּצֹת אַשְׁקְלוֹן פֶּן־תִּשְׂמַחְנָה בְּנוֹת פְּלִשְׁתִּים פֶּן־תַּעֲלֹזְנָה
כא בְּנוֹת הָעֲרֵלִים׃ הָרֵי בַגִּלְבֹּעַ אַל־טַל וְאַל־מָטָר עֲלֵיכֶם
וּשְׂדֵי תְרוּמֹת כִּי שָׁם נִגְעַל מָגֵן גִּבּוֹרִים מָגֵן שָׁאוּל בְּלִי
כב מָשִׁיחַ בַּשָּׁמֶן׃ מִדַּם חֲלָלִים מֵחֵלֶב גִּבּוֹרִים קֶשֶׁת יְהוֹנָתָן
כג לֹא נָשׂוֹג אָחוֹר וְחֶרֶב שָׁאוּל לֹא תָשׁוּב רֵיקָם׃ שָׁאוּל
וִיהוֹנָתָן הַנֶּאֱהָבִים וְהַנְּעִימִם בְּחַיֵּיהֶם וּבְמוֹתָם לֹא נִפְרָדוּ
כד מִנְּשָׁרִים קַלּוּ מֵאֲרָיוֹת גָּבֵרוּ׃ בְּנוֹת יִשְׂרָאֵל אֶל־שָׁאוּל
בְּכֶינָה הַמַּלְבִּשְׁכֶם שָׁנִי עִם־עֲדָנִים הַמַּעֲלֶה עֲדִי זָהָב עַל

---

ח׳ ואמר ק׳   י׳ ו פתוחה   קן בחירק   יא׳ בבגדיו ק׳   טז׳ יתיר י׳

איך האָב זיך גראָד געטראָפן אויף באַרג גלבוע, ערשט שאָול איז אָנגעלענט אויף זיין שפּיז, און אָט האָבן די רייט־וועגן און די רייטמענער אים אָנגעיאָגט. [7] האָט ער זיך אומגעקערט הינטער זיך, און האָט מיך דערזען, און ער האָט גערופן צו מיר, און איך האָב געזאָגט: דאָ בין איך. [8] האָט ער צו מיר געזאָגט: ווער ביסטו? האָב איך צו אים געזאָגט: אַן עמלקי בין איך. [9] האָט ער צו מיר געזאָגט: שטעל זיך, איך בעט דיך, לעבן מיר, און טייט מיך, וואָרום די גסיסה האָט מיך אָנגענומען; וואָרום נאָר וואָס מיין נשמה האַלט זיך אין מיר. [10] האָב איך זיך געשטעלט לעבן אים, און האָב אים געטייט, ווייל איך האָב געוווסט, אַז ער קען מער ניט לעבן נאָך זיין פאַלן. און איך האָב גענומען די קרוין וואָס אויף זיין קאָפּ, און דעם אָרעמ־באַנד וואָס אויף זיין אָרעם, און האָב זיי געבראַכט אַהער צו מיין האַר.

[11] האָט דוד אָנגענומען זיינע קליידער, און האָט זיי צעריסן. און דעסגלייכן אַלע מענטשן וואָס מיט אים. [12] און זיי האָבן געקלאָגט און געוויינט, און האָבן געפאַסט ביזן אָוונט אויף שאָולן און אויף יהונתן זיין זון, און אויף דעם פאָלק פון גאָט, און אויף דעם הויז פון ישראל, וואָס זיי זיינען געפאַלן דורכן שווערד.

[13] און דוד האָט געזאָגט צו דעם יונג וואָס האָט דאָס אים דערציילט: פון וואַנען ביסטו? האָט ער געזאָגט: איך בין דער זון פון אַ פרעמדן מאַן, אַן עמלקי. [14] האָט דוד צו אים געזאָגט: ווי האָסטו ניט מורא געהאַט אויסצו־שטרעקן דיין האַנט אומצוברענגען דעם געזאַלבטן פון גאָט?

[15] און דוד האָט צוגערופן איינעם פון די יונגען, און האָט געזאָגט: גענען, פאַל־צו אויף אים. און ער האָט אים געשלאָגן, און ער איז געשטאָרבן.

[16] און דוד האָט צו אים געזאָגט: דיין בלוט אויף דיין קאָפּ! וואָרום דיין מויל האָט עדות געזאָגט אויף דיר, אַזוי צו זאָגן: איך האָב געטייט דעם געזאַלבטן פון גאָט.

[17] און דוד האָט געקלאָגט די דאָזיקע קלאָג אויף שאָולן און אויף יהונתן זיין זון, [18] און ער האָט געזאָגט—כדי צו לערנען די קינדער פון יהודה דעם בויגן; דאָס איז שוין פאַרשריבן אין בוך פון ישר:

[19] די פּראַכט, ישראל, איז אויף דיינע הייכן דערשלאָגן;
ווי זיינען די גיבורים געפאַלן!
[20] ניט דערציילן זאָלט איר אין גת,
ניט אָנזאָגן אין די גאַסן פון אשקלון,
כדי די טעכטער פון די פלשתים זאָלן זיך ניט פרייען,
כדי די טעכטער פון די אומבאַשניטענע זאָלן ניט קוועלן.

[21] איר בערג פון גלבוע,
ניט טוי און ניט רעגן אויף אייך,
אָדער פעלדער געהויבענע!
וואָרום דאָרט איז פאַרמיאוסט געוואָרן דער שילד פון גיבורים,
דער שילד פון שאָולן, מיט אייל ניט באַשמירט.

[22] פון בלוט פון דערשלאָגענע, פון פעטס פון גיבורים,
האָט יהונתנס בויגן זיך צוריק ניט געצויגן,
און די שווערד פון שאָולן זיך ניט אומגעקערט ליידיק.
[23] שאָול און יהונתן,
די באַליבטע און ליבע אין זייער לעבן,
צוזאַמען אין זייער טויט האָבן זיי זיך ניט צעשיידט.
פון אָדלערס זיינען זיי געווען פלינקער,
פון לייבן זיינען זיי געווען שטאַרקער.

[24] איר טעכטער פון ישראל, אויף שאָולן וויינט,
וואָס האָט אייך אין רויטן געקליידט, מיט תענוגים דערצו,
וואָס האָט אַרויפגעטאָן צירונג פון גאָלד אויף אייער קלייד.

לְבוּשְׁכֶן׃ אֵיךְ נָפְלוּ גִבֹּרִים בְּתוֹךְ הַמִּלְחָמָה יְהוֹנָתָן עַל־ כה
בָּמוֹתֶיךָ חָלָל׃ צַר־לִי עָלֶיךָ אָחִי יְהוֹנָתָן נָעַמְתָּ לִּי מְאֹד כו
נִפְלְאַתָה אַהֲבָתְךָ לִי מֵאַהֲבַת נָשִׁים׃ אֵיךְ נָפְלוּ גִבּוֹרִים כז
וַיֹּאבְדוּ כְּלֵי מִלְחָמָה׃

ב

וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיִּשְׁאַל דָּוִד בַּיהוָה ׀ לֵאמֹר הַאֶעֱלֶה בְּאַחַת א
עָרֵי יְהוּדָה וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו עֲלֵה וַיֹּאמֶר דָּוִד אָנָה אֶעֱלֶה
וַיֹּאמֶר חֶבְרֹנָה׃ וַיַּעַל שָׁם דָּוִד וְגַם שְׁתֵּי נָשָׁיו אֲחִינֹעַם ב
הַיִּזְרְעֵלִית וַאֲבִיגַיִל אֵשֶׁת נָבָל הַכַּרְמְלִי׃ וַאֲנָשָׁיו אֲשֶׁר־ ג
עִמּוֹ הֶעֱלָה דָוִד אִישׁ וּבֵיתוֹ וַיֵּשְׁבוּ בְּעָרֵי חֶבְרוֹן׃ וַיָּבֹאוּ ד
אַנְשֵׁי יְהוּדָה וַיִּמְשְׁחוּ־שָׁם אֶת־דָּוִד לְמֶלֶךְ עַל־בֵּית יְהוּדָה
וַיַּגִּדוּ לְדָוִד לֵאמֹר אַנְשֵׁי יָבֵישׁ גִּלְעָד אֲשֶׁר קָבְרוּ אֶת־
שָׁאוּל׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד מַלְאָכִים אֶל־אַנְשֵׁי יָבֵישׁ גִּלְעָד ה
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם בְּרֻכִים אַתֶּם לַיהוָה אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם הַחֶסֶד
הַזֶּה עִם־אֲדֹנֵיכֶם עִם־שָׁאוּל וַתִּקְבְּרוּ אֹתוֹ׃ וְעַתָּה יַעַשׂ־ ו
יְהוָה עִמָּכֶם חֶסֶד וֶאֱמֶת וְגַם אָנֹכִי אֶעֱשֶׂה אִתְּכֶם הַטּוֹבָה
הַזֹּאת אֲשֶׁר עֲשִׂיתֶם הַדָּבָר הַזֶּה׃ וְעַתָּה ׀ תֶּחֱזַקְנָה יְדֵיכֶם ז
וִהְיוּ לִבְנֵי־חַיִל כִּי־מֵת אֲדֹנֵיכֶם שָׁאוּל וְגַם אֹתִי מָשְׁחוּ
בֵית־יְהוּדָה לְמֶלֶךְ עֲלֵיהֶם׃ וְאַבְנֵר בֶּן־נֵר שַׂר־צָבָא ח
אֲשֶׁר לְשָׁאוּל לָקַח אֶת־אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל וַיַּעֲבִרֵהוּ
מַחֲנָיִם׃ וַיַּמְלִכֵהוּ אֶל־הַגִּלְעָד וְאֶל־הָאֲשׁוּרִי וְאֶל־יִזְרְעֶאל ט
וְעַל־אֶפְרַיִם וְעַל־בִּנְיָמִן וְעַל־יִשְׂרָאֵל כֻּלֹּה׃ בֶּן־ י
אַרְבָּעִים שָׁנָה אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל בְּמָלְכוֹ עַל־יִשְׂרָאֵל
וּשְׁתַּיִם שָׁנִים מָלָךְ אַךְ בֵּית יְהוּדָה הָיוּ אַחֲרֵי דָוִד׃ וַיְהִי יא
מִסְפַּר הַיָּמִים אֲשֶׁר הָיָה דָוִד מֶלֶךְ בְּחֶבְרוֹן עַל־בֵּית
יְהוּדָה שֶׁבַע שָׁנִים וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים׃ וַיֵּצֵא אַבְנֵר יב
בֶּן־נֵר וְעַבְדֵי אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל מִמַּחֲנַיִם גִּבְעוֹנָה׃

א, כו׳ הוו בפתח

25 ווי זיינען די גיבורים אין מלחמה געפאַלן—
יהונָתָן אויף דיינע הייכן דערשלאָגן!

26 מיך קלעמט נאָך דיר, יהונָתָן מיין ברודער,
ליב געווען ביסטו מיר זייער;
וואונדערלעך געווען איז דיין ליבשאַפט צו מיר,
מער ווי די ליבשאַפט פון ווייבער.

27 ווי זיינען די גיבורים געפאַלן,
און אונטערגעגאַנגען די וואָפן פון מלחמה!

ב

1 און עס איז געווען נאָך דעם, האָט דוד געפרעגט ביי גאָט, אַזוי צו זאָגן: זאָל איך אַרויפגיין אין איינער פון די שטעט פון יהודה? האָט גאָט צו אים געזאָגט: גיי אַרויף. האָט דוד געזאָגט: וווהין זאָל איך אַרויפגיין? האָט ער געזאָגט: קיין חֶברון.

2 איז דוד אַרויפגעגאַנגען אַהין, און אויך זיינע צוויי ווייבער, אַחינוֹעַם פון יִזרְעאל, און אַביגַיִל די ווייב פון נָבָלן פון כַּרמֶל. 3 און זיינע מענטשן וואָס מיט אים האָט דוד אַרויפגעבראַכט, איטלעכן מיט זיין הויזגעזינט; און זיי האָבן זיך באַזעצט אין די שטעט פון חֶברון. 4 און די מענער פון יהודה זיינען געקומען, און האָבן דאָרטן געזאַלבט דודן פאַר אַ מלך איבער דעם הויז פון יהודה.

האָט מען דערציילט דודן, אַזוי צו זאָגן: די מענטשן פון יָבֵיש־גִלעָד זיינען די וואָס האָבן באַגראָבן שָאולן.

5 האָט דוד געשיקט שלוחים צו די מענטשן פון יָבֵיש־גִלעָד, און זיי געלאָזט זאָגן: געבענטשט זאָלט איר זיין פון גאָט, וואָס איר האָט געטאָן דעמדאָזיקן חסד מיט אייער האַר, מיט שָאולן, און האָט אים באַגראָבן. 6 און אַצונד, זאָל גאָט טאָן מיט אייך חסד און טריישאַפט; און אויך איך וועל אייך אָפּטאָן דידאָזיקע טובה, וואָס איר האָט געטאָן דידאָזיקע זאַך. 7 און אַצונד, זאָלן שטאַרק זיין אייערע הענט, און זייט העלדישע יונגען; וואָרום אייער האַר שָאול איז טויט, און אויך האָט מיך דאָס הויז פון יהודה געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער זיי.

8 און אַבנֵר דער זון פון נֵרן, דער חיל־פירער פון שָאולן, האָט גענומען איש־בּוֹשֶת דעם זון פון שָאולן, און האָט אים אַריבערגעפירט קיין מַחֲנַיִם. 9 און ער האָט אים געמאַכט פאַר אַ מלך איבער גִלעָד, און איבער דעם אַשורי, און איבער יִזרְעאל, און איבער אפרים, און איבער בנימין, און איבער גאַנץ ישראל.

10 פערציק יאָר איז אַלט געווען איש־בּוֹשֶת דער זון פון שָאולן, אַז ער איז געוואָרן מלך איבער ישראל, און צוויי יאָר האָט ער געקיניגט. אָבער דאָס הויז פון יהודה איז געווען הינטער דודן. 11 און די צאָל פון די טעג וואָס דוד איז געווען מלך אין חֶברון איבער דעם הויז פון יהודה, איז געווען זיבן יאָר און זעקס חדשים.

12 און אַבנֵר דער זון פון נֵרן, און די קנעכט פון איש־בּוֹשֶת דעם זון פון שָאולן, זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מַחֲנַיִם קיין

גִבְעוֹן. 13 אויך יוֹאָב דער זון פון צרוּיָהן, און די קנעכט פון דודן, זיינען אַרויסגעגאַנגען, און זיי האָבן זיך צונויפגעטראָפן מיט זיי אין איינעם ביים טייך פון גִבְעוֹן, און די האָבן זיך געזעצט פון דער זייט טייך, און די פון יענער זייט טייך. 14 און אַבנֵר האָט געזאָגט צו יוֹאָבן: זאָלן אַקאָרשט די יונגען אויפשטיין, און אַ שטיף טאָן פאַר אונדז. האָט יוֹאָב געזאָגט: זאָלן זיי אויפשטיין.

15 זיינען זיי אויפגעשטאַנען, און זיינען אַריבערגעגאַנגען מיט אַ צאָל, צוועלף פאַר בנימין, און פאַר איש־בּוֹשֶׁת דעם זון פון שָאולן, און צוועלף פון דודס קנעכט. 16 און זיי האָבן אָנגענומען איינער דעם אַנדערן פאַרן קאָפּ, מיט זיין שווערד צום אַנדערנס זייט, ביז זיי זיינען געפאַלן אין איינעם. און מע האָט גערופן יענעם אָרט חֶלקַת־הַצוּרים[א] וואָס אין גִבְעוֹן.

17 און די מלחמה איז געווען זייער אַ שווערע אין יענעם טאָג, און אַבנֵר און די מענער פון ישׂראל זיינען געשלאָגן געוואָרן פאַר די קנעכט פון דודן.

18 און דאָרטן זיינען געווען צרוּיָהס דריי זין, יוֹאָב, און אַבישַי, און עַשָׂהאֵל; און עַשָׂהאֵל איז געווען פלינק אויף זיינע פיס, אַזוי ווי איינער פון די הינדן וואָס אין פעלד. 19 האָט עַשָׂהאֵל נאָכגעיאָגט אַבנֵרן, און ער האָט זיך ניט אָפּגענייגט פון הינטער אַבנֵרן צו גיין רעכטס אָדער לינקס. 20 האָט אַבנֵר זיך אומגעקערט הינטער זיך, און האָט געזאָגט: ביסט דו דאָס, עַשָׂהאֵל? האָט ער געזאָגט: איך. 21 האָט אַבנֵר צו אים געזאָגט: נייג זיך צו דיין רעכטער זייט אָדער צו דיין לינקער, און כאַפּ דיר אָן איינעם פון די יונגען, און נעם דיר זיין אויסטו. אָבער עַשָׂהאֵל האָט זיך ניט געוואָלט אָפּקערן פון הינטער אים. 22 האָט אַבנֵר ווידער געזאָגט צו עַשָׂהאֵלן: קער דיך אָפּ פון הינטער מיר; נאָך וואָס זאָל איך דיך שלאָגן צו דער ערד? און ווי וועל איך אויפהייבן מיין פנים צו דיין ברודער יוֹאָבן? 23 אָבער ער האָט זיך ניט געוואָלט אָפּקערן, און אַבנֵר האָט אים אַ זעץ געטאָן מיטן אונטערשטן טייל פון שפּיז אין בויך, ביז דער שפּיז איז אים אַרויס פון הינטן; און ער איז דאָרטן געפאַלן און געשטאָרבן אויפן אָרט. און עס איז געווען, איטלעכער וואָס איז געקומען צו דעם אָרט וואָס עַשָׂהאֵל איז דאָרטן געפאַלן און געשטאָרבן, האָט זיך אָפּגעשטעלט.

24 האָבן יוֹאָב און אַבישַי נאָכגעיאָגט אַבנֵרן, און ווי די זון איז אונטערגעגאַנגען, זיינען זיי געקומען ביזן בערגל אַמָה וואָס פאַר גיחַ, אויפן וועג צום מדבר פון גִבְעוֹן. 25 און די קינדער פון בנימין האָבן זיך איינגעזאַמלט הינטער אַבנֵרן, און זיי זיינען געוואָרן צו איין בונד; און זיי האָבן זיך געשטעלט אויפן שפּיץ פון אַ בערגל.

26 האָט אַבנֵר גערופן צו יוֹאָבן, און האָט געזאָגט: זאָל דען אייביק פאַרצערן די שווערד? ווייסטו דען ניט אַז ביטער וועט זיין צום סוף? און ביז וואַנען וועסטו ניט הייסן דעם פאָלק זיך אומקערן פון הינטער

יג וְיוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה וְעַבְדֵי דָוִד יָצְאוּ וַיִּפְגְּשׁוּם עַל־בְּרֵכַת
גִּבְעוֹן יַחְדָּו וַיֵּשְׁבוּ אֵלֶּה עַל־הַבְּרֵכָה מִזֶּה וְאֵלֶּה עַל־
יד הַבְּרֵכָה מִזֶּה׃ וַיֹּאמֶר אַבְנֵר אֶל־יוֹאָב יָקוּמוּ נָא הַנְּעָרִים
טו וִישַׂחֲקוּ לְפָנֵינוּ וַיֹּאמֶר יוֹאָב יָקֻמוּ׃ וַיָּקֻמוּ וַיַּעַבְרוּ
בְמִסְפָּר שְׁנֵים עָשָׂר לְבִנְיָמִן וּלְאִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל
טז וּשְׁנַיִם עָשָׂר מֵעַבְדֵי דָוִד׃ וַיַּחֲזִקוּ אִישׁ ׀ בְּרֹאשׁ רֵעֵהוּ
וְחַרְבּוֹ בְּצַד רֵעֵהוּ וַיִּפְּלוּ יַחְדָּו וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם הַהוּא
יז חֶלְקַת הַצֻּרִים אֲשֶׁר בְּגִבְעוֹן׃ וַתְּהִי הַמִּלְחָמָה קָשָׁה עַד־
מְאֹד בַּיּוֹם הַהוּא וַיִּנָּגֶף אַבְנֵר וְאַנְשֵׁי יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי עַבְדֵי
יח דָוִד׃ וַיִּהְיוּ שָׁם שְׁלֹשָׁה בְּנֵי צְרוּיָה יוֹאָב וַאֲבִישַׁי וַעֲשָׂהאֵל
יט וַעֲשָׂהאֵל קַל בְּרַגְלָיו כְּאַחַד הַצְּבָיִם אֲשֶׁר בַּשָּׂדֶה׃ וַיִּרְדֹּף
עֲשָׂהאֵל אַחֲרֵי אַבְנֵר וְלֹא־נָטָה לָלֶכֶת עַל־הַיָּמִין וְעַל־
כ הַשְּׂמֹאול מֵאַחֲרֵי אַבְנֵר׃ וַיִּפֶן אַבְנֵר אַחֲרָיו וַיֹּאמֶר הַאַתָּה
כא זֶה עֲשָׂהאֵל וַיֹּאמֶר אָנֹכִי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ אַבְנֵר נְטֵה לְךָ
עַל־יְמִינְךָ אוֹ עַל־שְׂמֹאלֶךָ וֶאֱחֹז לְךָ אֶחָד מֵהַנְּעָרִים וְקַח־
כב לְךָ אֶת־חֲלִצָתוֹ וְלֹא־אָבָה עֲשָׂהאֵל לָסוּר מֵאַחֲרָיו׃ וַיֹּסֶף
עוֹד אַבְנֵר לֵאמֹר אֶל־עֲשָׂהאֵל סוּר לְךָ מֵאַחֲרָי לָמָּה
כג אַכֶּכָּה אַרְצָה וְאֵיךְ אֶשָּׂא פָנַי אֶל־יוֹאָב אָחִיךָ׃ וַיְמָאֵן
לָסוּר וַיַּכֵּהוּ אַבְנֵר בְּאַחֲרֵי הַחֲנִית אֶל־הַחֹמֶשׁ וַתֵּצֵא
הַחֲנִית מֵאַחֲרָיו וַיִּפָּל־שָׁם וַיָּמָת תַּחְתָּו וַיְהִי כָּל־הַבָּא אֶל־
כד הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־נָפַל שָׁם עֲשָׂהאֵל וַיָּמֹת וַיַּעֲמֹדוּ׃ וַיִּרְדְּפוּ
יוֹאָב וַאֲבִישַׁי אַחֲרֵי אַבְנֵר וְהַשֶּׁמֶשׁ בָּאָה וְהֵמָּה בָּאוּ
עַד־גִּבְעַת אַמָּה אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי־גִיחַ דֶּרֶךְ מִדְבַּר גִּבְעוֹן׃
כה וַיִּתְקַבְּצוּ בְנֵי־בִנְיָמִן אַחֲרֵי אַבְנֵר וַיִּהְיוּ לַאֲגֻדָּה אֶחָת
כו וַיַּעַמְדוּ עַל רֹאשׁ־גִּבְעָה אֶחָת׃ וַיִּקְרָא אַבְנֵר אֶל־יוֹאָב
וַיֹּאמֶר הֲלָנֶצַח תֹּאכַל חֶרֶב הֲלוֹא יָדַעְתָּה כִּי־מָרָה
תִהְיֶה בָּאַחֲרוֹנָה וְעַד־מָתַי לֹא־תֹאמַר לָעָם לָשׁוּב מֵאַחֲרֵי

כג׳ תחתו ק

[א] דאָס פעלד פון די שאַרפן (פון שווערדן).

אֲחֵיהֶם: וַיֹּאמֶר יוֹאָב חַי הָאֱלֹהִים כִּי לוּלֵא דִּבַּרְתָּ כִּי כז
אָז מֵהַבֹּקֶר נַעֲלָה הָעָם אִישׁ מֵאַחֲרֵי אָחִיו: וַיִּתְקַע יוֹאָב כח
בַּשּׁוֹפָר וַיַּעַמְדוּ כָּל־הָעָם וְלֹא־יִרְדְּפוּ עוֹד אַחֲרֵי יִשְׂרָאֵל
וְלֹא־יָסְפוּ עוֹד לְהִלָּחֵם: וְאַבְנֵר וַאֲנָשָׁיו הָלְכוּ בָּעֲרָבָה כט
כֹּל הַלַּיְלָה הַהוּא וַיַּעַבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן וַיֵּלְכוּ כָּל־הַבִּתְרוֹן
וַיָּבֹאוּ מַחֲנָיִם: וְיוֹאָב שָׁב מֵאַחֲרֵי אַבְנֵר וַיִּקְבֹּץ אֶת־ ל
כָּל־הָעָם וַיִּפָּקְדוּ מֵעַבְדֵי דָוִד תִּשְׁעָה־עָשָׂר אִישׁ וַעֲשָׂהאֵל:
וְעַבְדֵי דָוִד הִכּוּ מִבִּנְיָמִן וּבְאַנְשֵׁי אַבְנֵר שְׁלֹשׁ־מֵאוֹת וְשִׁשִּׁים לא
אִישׁ מֵתוּ: וַיִּשְׂאוּ אֶת־עֲשָׂהאֵל וַיִּקְבְּרֻהוּ בְּקֶבֶר אָבִיו לב
אֲשֶׁר בֵּית לָחֶם וַיֵּלְכוּ כָל־הַלַּיְלָה יוֹאָב וַאֲנָשָׁיו וַיֵּאֹר
לָהֶם בְּחֶבְרוֹן:

ג

וַתְּהִי הַמִּלְחָמָה אֲרֻכָּה בֵּין בֵּית שָׁאוּל וּבֵין בֵּית דָּוִד א
וְדָוִד הֹלֵךְ וְחָזֵק וּבֵית שָׁאוּל הֹלְכִים וְדַלִּים: וַיִּלָּדוּ ב
לְדָוִד בָּנִים בְּחֶבְרוֹן וַיְהִי בְכוֹרוֹ אַמְנוֹן לַאֲחִינֹעַם הַיִּזְרְעֵאלִת:
וּמִשְׁנֵהוּ כִלְאָב לַאֲבִיגַל אֵשֶׁת נָבָל הַכַּרְמְלִי וְהַשְּׁלִשִׁי ג
אַבְשָׁלוֹם בֶּן־מַעֲכָה בַּת־תַּלְמַי מֶלֶךְ גְּשׁוּר: וְהָרְבִיעִי ד
אֲדֹנִיָּה בֶן־חַגִּית וְהַחֲמִישִׁי שְׁפַטְיָה בֶן־אֲבִיטָל: וְהַשִּׁשִּׁי ה
יִתְרְעָם לְעֶגְלָה אֵשֶׁת דָּוִד אֵלֶּה יֻלְּדוּ לְדָוִד בְּחֶבְרוֹן:
וַיְהִי בִּהְיוֹת הַמִּלְחָמָה בֵּין בֵּית שָׁאוּל וּבֵין בֵּית דָּוִד ו
וְאַבְנֵר הָיָה מִתְחַזֵּק בְּבֵית שָׁאוּל: וּלְשָׁאוּל פִּלֶגֶשׁ וּשְׁמָהּ ז
רִצְפָּה בַת־אַיָּה וַיֹּאמֶר אֶל־אַבְנֵר מַדּוּעַ בָּאתָה אֶל־
פִּילֶגֶשׁ אָבִי: וַיִּחַר לְאַבְנֵר מְאֹד עַל־דִּבְרֵי אִישׁ־בֹּשֶׁת ח
וַיֹּאמֶר הֲרֹאשׁ כֶּלֶב אָנֹכִי אֲשֶׁר לִיהוּדָה הַיּוֹם אֶעֱשֶׂה־
חֶסֶד עִם־בֵּית ׀ שָׁאוּל אָבִיךָ אֶל־אֶחָיו וְאֶל־מֵרֵעֵהוּ וְלֹא
הִמְצִיתִךָ בְּיַד־דָּוִד וַתִּפְקֹד עָלַי עֲוֹן הָאִשָּׁה הַיּוֹם: כֹּה־ ט
יַעֲשֶׂה אֱלֹהִים לְאַבְנֵר וְכֹה יֹסִיף לוֹ כִּי כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּע

ב, כז׳ פתח באתנח ג, ב׳ ווילדו ק׳ ג׳ לאביגיל ק׳ ח׳ מלעיל

זייערע ברידער? [27] האָט יואָב געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, אַז ווען דו וואָלסט ניט גערעדט, וואָלט ערשט אין דער פרי דאָס פאָלק אָפּגעטרעטן איינער פון הינטערן אַנדערן.

[28] און יואָב האָט געבלאָזן אין שופר, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אָפּגעשטעלט, און זיי האָבן מער ניט נאָכגעיאָגט ישראל, און האָבן מער ווייטער ניט מלחמה געהאַלטן.

[29] און אַבנֵר און זיינע מענטשן זיינען געגאַנגען דורכן פלוין יענע גאַנצע נאַכט, און זיי זיינען אַריבער דעם יַרדן, און דורכגעגאַנגען גאַנץ בִּתרוֹן, און געקומען קיין מַחנַיִם.

[30] און יואָב האָט זיך אומגעקערט פון הינטער אַבנֵרן, און ער האָט איינגעזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק; האָבן געפעלט פון דודס קנעכט ניינצן מאַן און עֲשָׂהאֵל. [31] און דודס קנעכט האָבן געשלאָגן פון בנימין, צווישן אַבנֵרס מענטשן—דריי הונדערט און זעכציק מאַן זיינען געבליבן טויט.

[32] און עֲשָׂהאֵלן האָבן זיי אַוועקגעטראָגן, און האָבן אים באַגראָבן אין קבר פון זיין פאָטער וואָס אין בֵּית־לֶחֶם. און יואָב און זיינע מענטשן זיינען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט, און זיי איז ליכטיק געוואָרן אין חֶברוֹן.

ג [1] און די מלחמה איז געווען אַ לאַנגע צווישן דעם הויז פון שָׁאולן און צווישן דעם הויז פון דודן. און דוד איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, און דאָס הויז פון שָׁאולן איז געוואָרן אַלץ שוואַכער.

[2] און ביי דודן זיינען געבאָרן געוואָרן זין אין חֶברוֹן, און זיין בְּכוֹר איז געווען אַמנוֹן, פון אַחינוֹעַמען פון יִזרְעאֵל; [3] און דער צווייטער פון אים, כִּלאָב, פון אֲביגַיִל דער ווייב פון נָבָלן פון כַּרמֶל; און דער דריטער, אַבשָׁלוֹם, דער זון פון מַעֲכָה דער טאָכטער פון תַּלמַי דעם מלך פון גשור; [4] און דער פירטער, אַדוֹנִיָה, דער זון פון חַגִיתן; און דער פינפטער שְׁפַטְיָה דער זון פון אֲביטַלן; [5] און דער זעקסטער, יִתרְעָם פון דודס ווייב עֶגלָהן. די־דאָזיקע זיינען געבאָרן געוואָרן ביי דודן אין חֶברוֹן.

[6] און עס איז געווען, ווען די מלחמה איז געווען צווישן דעם הויז פון שָׁאולן און צווישן דעם הויז פון דודן, האָט אַבנֵר זיך געהאַלטן אָן דעם הויז פון שָׁאולן.

[7] און שָׁאול האָט געהאַט אַ קעפּסווייב וואָס איר נאָמען איז געווען רִצפָּה די טאָכטער פון אַיָהן. האָט [איש־בּושֶׁת] געזאָגט צו אַבנֵרן: פאַרוואָס ביסטו געקומען צו מיין פאָטערס קעפּסווייב? [8] האָט אַבנֵרן זייער געבערנט אויף די ווערטער פון איש־בּושֶׁתן, און ער האָט געזאָגט: בין איך דען אַ הונטסקאָפּ פון יהודה? איך טו היינט צו טאָג חסד מיט דעם הויז פון דיין פאָטער שָׁאולן, צו זיינע אייגענע און צו זיינע גוטע פריינט, און איך האָב דיך ניט איבערגעענטפערט אין דער האַנט פון דודן, און דו וואַרפסט מיר היינט פאָר אַ זינד מיט דער פרוי. [9] זאָל גאָט טאָן צו אַבנֵרן אַזוי און נאָך מער, אַז אַזוי ווי גאָט

האָט געשוואָרן צו דודן, אַזוי וועל איך אים טאָן,
10 אַריבערצוטראָגן די מלוכה פון שָאולס הויז, און אויפ־
שטעלן דעם טראָן פון דודן איבער ישׂראל און איבער
יהודה פון דָן און ביז באֵר־שֶבַע! 11 און ער האָט מער אַ
וואָרט ניט געקענט ענטפערן אַבנֵרן, פון זיין מורא פאַר
אים.

12 און אַבנֵר האָט אויפן אָרט געשיקט שלוחים צו
דודן, אַזוי צו זאָגן: ביי וועמען איז דאָס לאַנד? אַזוי צו
זאָגן: שליס דיין בונד מיט מיר, און אָט איז מיין האַנט מיט
דיר איבערצודרייען צו דיר גאַנץ ישׂראל. 13 האָט ער
געזאָגט: גוט, איך וועל שליסן מיט דיר אַ בונד, אָבער
איין זאַך פאַרלאַנג איך פון דיר, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט
זען מיין פנים, סיידן דו ברענגסט צוגלייך מיכל די
טאָכטער פון שָאולן, ווען דו קומסט זען מיין פנים.

14 און דוד האָט געשיקט שלוחים צו איש־בּושֶת דעם
זון פון שָאולן, אַזוי צו זאָגן: גיב מיר מיין ווייב מיכלען,
וואָס איך האָב פאַרקנַסט צו מיר מיט הונדערט פאָר־
הויטן פון די פּלִשתּים.

15 האָט איש־בּושֶת געשיקט, און האָט זי אָפּגענומען
פון דעם מאַן, פון פַּלטיאֵל דעם זון פון לַיִשן. 16 און איר
מאַן איז געגאַנגען מיט איר, געגאַנגען נאָך איר און געוויינט
ביז בַּחורים. האָט אַבנֵר צו אים געזאָגט: גיי קער זיך
אום; און ער האָט זיך אומגעקערט.

17 און אַבנֵר האָט געהאַט אַ גערייד מיט די עלטסטע פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: נאָך נעכטן און נאָך אייערנעכטן
האָט איר באַגערט דודן פאַר אַ מלך איבער אייך. 18 און אַצונד טוט; וואָרום גאָט האָט געזאָגט אויף דודן, אַזוי צו
זאָגן: דורך דער האַנט פון דוד מיין קנעכט וועל איך העלפן מיין פאָלק ישׂראל פון דער האַנט פון די פּלִשתּים,
און פון דער האַנט פון אַלע זייערע פיינט.

19 און אַבנֵר האָט אויך גערעדט אין די אויערן פון בנימין. און אַבנֵר איז אויך געגאַנגען דערציילן אין די אויערן
פון דודן אין חֶברון אַלץ וואָס איז וווילגעפעלן אין די אויגן פון ישׂראל, און אין די אויגן פון גאַנצן הויז פון בנימין. 20 און
אַבנֵר איז געקומען צו דודן קיין חֶברון, און צוואַנציק מאַן מיט אים. און דוד האָט געמאַכט פאַר אַבנֵרן און פאַר די
מענטשן וואָס מיט אים אַ מאָלצייט. 21 און אַבנֵר האָט געזאָגט צו דודן: איך וועל אויפשטיין און וועל גיין, און איך וועל
איינזאַמלען צו מיין האַר דעם מלך גאַנץ ישׂראל, און זיי וועלן שליסן מיט דיר אַ בונד, און וועסט קיניגן ווי וויט דיין
האַרץ געלוסט. און דוד האָט אַוועקגעשיקט אַבנֵרן, און ער איז אַוועקגעגאַנגען בשלום.

22 ערשט די קנעכט פון דודן און יואָב זיינען אָנגעקומען פון אַן אָנפאַל, און זיי האָבן געבראַכט מיט
זיך פיל רויב; און אַבנֵר איז שוין ניט געווען ביי דודן אין חֶברון, ווייל ער האָט אים אַוועקגעשיקט, און ער

י יְהֹוָה לְדָוִד כִּי־כֵן אֶעֱשֶׂה־לּוֹ׃ לְהַעֲבִיר הַמַּמְלָכָה מִבֵּית
שָׁאוּל וּלְהָקִים אֶת־כִּסֵּא דָוִד עַל־יִשְׂרָאֵל וְעַל־יְהוּדָה
יא מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שָׁבַע׃ וְלֹא־יָכֹל עוֹד לְהָשִׁיב אֶת־אַבְנֵר
יב דָּבָר מִיִּרְאָתוֹ אֹתוֹ׃ וַיִּשְׁלַח אַבְנֵר מַלְאָכִים ׀ אֶל־
דָּוִד תַּחְתָּו לֵאמֹר לְמִי־אָרֶץ לֵאמֹר כָּרְתָה בְרִיתְךָ אִתִּי
יג וְהִנֵּה יָדִי עִמָּךְ לְהָסֵב אֵלֶיךָ אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר טוֹב
אֲנִי אֶכְרֹת אִתְּךָ בְּרִית אַךְ דָּבָר אֶחָד אָנֹכִי שֹׁאֵל מֵאִתְּךָ
לֵאמֹר לֹא־תִרְאֶה אֶת־פָּנַי כִּי ׀ אִם־לִפְנֵי הֱבִיאֲךָ אֵת מִיכַל
יד בַּת־שָׁאוּל בְּבֹאֲךָ לִרְאוֹת אֶת־פָּנָי׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד
מַלְאָכִים אֶל־אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל לֵאמֹר תְּנָה אֶת־אִשְׁתִּי
אֶת־מִיכַל אֲשֶׁר אֵרַשְׂתִּי לִי בְּמֵאָה עָרְלוֹת פְּלִשְׁתִּים׃
טו וַיִּשְׁלַח אִישׁ בֹּשֶׁת וַיִּקָּחֶהָ מֵעִם אִישׁ מֵעִם פַּלְטִיאֵל בֶּן־
טז לוּשׁ׃ וַיֵּלֶךְ אִתָּהּ אִישָׁהּ הָלוֹךְ וּבָכֹה אַחֲרֶיהָ עַד־בַּחֻרִים
יז וַיֹּאמֶר אֵלָיו אַבְנֵר לֵךְ שׁוּב וַיָּשֹׁב׃ וּדְבַר־אַבְנֵר
הָיָה עִם־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר גַּם־תְּמוֹל גַּם־שִׁלְשֹׁם הֱיִיתֶם
יח מְבַקְשִׁים אֶת־דָּוִד לְמֶלֶךְ עֲלֵיכֶם׃ וְעַתָּה עֲשׂוּ כִּי יְהֹוָה
אָמַר אֶל־דָּוִד לֵאמֹר בְּיַד ׀ דָּוִד עַבְדִּי הוֹשִׁיעַ אֶת־עַמִּי
יט יִשְׂרָאֵל מִיַּד פְּלִשְׁתִּים וּמִיַּד כָּל־אֹיְבֵיהֶם׃ וַיְדַבֵּר גַּם־
אַבְנֵר בְּאָזְנֵי בִנְיָמִין וַיֵּלֶךְ גַּם־אַבְנֵר לְדַבֵּר בְּאָזְנֵי דָוִד
בְּחֶבְרוֹן אֵת כָּל־אֲשֶׁר־טוֹב בְּעֵינֵי יִשְׂרָאֵל וּבְעֵינֵי כָּל־
כ בֵּית בִּנְיָמִן׃ וַיָּבֹא אַבְנֵר אֶל־דָּוִד חֶבְרוֹן וְאִתּוֹ עֶשְׂרִים
אֲנָשִׁים וַיַּעַשׂ דָּוִד לְאַבְנֵר וְלַאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־אִתּוֹ מִשְׁתֶּה׃
כא וַיֹּאמֶר אַבְנֵר אֶל־דָּוִד אָקוּמָה ׀ וְאֵלֵכָה וְאֶקְבְּצָה אֶל־
אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וְיִכְרְתוּ אִתְּךָ בְּרִית וּמָלַכְתָּ
בְּכֹל אֲשֶׁר־תְּאַוֶּה נַפְשֶׁךָ וַיְשַׁלַּח דָּוִד אֶת־אַבְנֵר וַיֵּלֶךְ
כב בְּשָׁלוֹם׃ וְהִנֵּה עַבְדֵי דָוִד וְיוֹאָב בָּא מֵהַגְּדוּד וְשָׁלָל רָב
עִמָּם הֵבִיאוּ וְאַבְנֵר אֵינֶנּוּ עִם־דָּוִד בְּחֶבְרוֹן כִּי שִׁלְּחוֹ

יב׳ תחתיו קרי   טו׳ ליש קרי

וַיֵּלֶךְ בְּשָׁלוֹם׃ וְיוֹאָב וְכָל־הַצָּבָא אֲשֶׁר־אִתּוֹ בָּאוּ וַיַּגִּדוּ כג
לְיוֹאָב לֵאמֹר בָּא־אַבְנֵר בֶּן־נֵר אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיְשַׁלְּחֵהוּ וַיֵּלֶךְ
בְּשָׁלוֹם׃ וַיָּבֹא יוֹאָב אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר מֶה עָשִׂיתָה הִנֵּה־ כד
בָא אַבְנֵר אֵלֶיךָ לָמָּה־זֶּה שִׁלַּחְתּוֹ וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ׃ יָדַעְתָּ אֶת־ כה
אַבְנֵר בֶּן־נֵר כִּי לְפַתֹּתְךָ בָּא וְלָדַעַת אֶת־מוֹצָאֲךָ וְאֶת־
מְבוֹאֶךָ וְלָדַעַת אֵת כָּל־אֲשֶׁר אַתָּה עֹשֶׂה׃ וַיֵּצֵא יוֹאָב כו
מֵעִם דָּוִד וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אַחֲרֵי אַבְנֵר וַיָּשִׁבוּ אֹתוֹ מִבּוֹר
הַסִּרָה וְדָוִד לֹא יָדָע׃ וַיָּשָׁב אַבְנֵר חֶבְרוֹן וַיַּטֵּהוּ יוֹאָב כז
אֶל־תּוֹךְ הַשַּׁעַר לְדַבֵּר אִתּוֹ בַּשֶּׁלִי וַיַּכֵּהוּ שָׁם הַחֹמֶשׁ וַיָּמָת
בְּדַם עֲשָׂהאֵל אָחִיו׃ וַיִּשְׁמַע דָּוִד מֵאַחֲרֵי כֵן וַיֹּאמֶר נָקִי כח
אָנֹכִי וּמַמְלַכְתִּי מֵעִם יְהוָה עַד־עוֹלָם מִדְּמֵי אַבְנֵר בֶּן־נֵר׃
יָחֻלוּ עַל־רֹאשׁ יוֹאָב וְאֶל כָּל־בֵּית אָבִיו וְאַל־יִכָּרֵת כט
מִבֵּית יוֹאָב זָב וּמְצֹרָע וּמַחֲזִיק בַּפֶּלֶךְ וְנֹפֵל בַּחֶרֶב וַחֲסַר־
לָחֶם׃ וְיוֹאָב וַאֲבִישַׁי אָחִיו הָרְגוּ לְאַבְנֵר עַל אֲשֶׁר הֵמִית ל
אֶת־עֲשָׂהאֵל אֲחִיהֶם בְּגִבְעוֹן בַּמִּלְחָמָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד לא
אֶל־יוֹאָב וְאֶל־כָּל־הָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ קִרְעוּ בִגְדֵיכֶם וְחִגְרוּ
שַׂקִּים וְסִפְדוּ לִפְנֵי אַבְנֵר וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד הֹלֵךְ אַחֲרֵי הַמִּטָּה׃
וַיִּקְבְּרוּ אֶת־אַבְנֵר בְּחֶבְרוֹן וַיִּשָּׂא הַמֶּלֶךְ אֶת־קוֹלוֹ וַיֵּבְךְּ לב
אֶל־קֶבֶר אַבְנֵר וַיִּבְכּוּ כָּל־הָעָם׃ וַיְקֹנֵן הַמֶּלֶךְ אֶל־ לג
אַבְנֵר וַיֹּאמַר הַכְּמוֹת נָבָל יָמוּת אַבְנֵר׃ יָדֶךָ לֹא־אֲסֻרוֹת לד
וְרַגְלֶיךָ לֹא־לִנְחֻשְׁתַּיִם הֻגַּשׁוּ כִּנְפוֹל לִפְנֵי בְנֵי־עַוְלָה נָפָלְתָּ
וַיֹּסִפוּ כָל־הָעָם לִבְכּוֹת עָלָיו׃ וַיָּבֹא כָל־הָעָם לְהַבְרוֹת לה
אֶת־דָּוִד לֶחֶם בְּעוֹד הַיּוֹם וַיִּשָּׁבַע דָּוִד לֵאמֹר כֹּה יַעֲשֶׂה־
לִּי אֱלֹהִים וְכֹה יֹסִיף כִּי אִם־לִפְנֵי בוֹא־הַשֶּׁמֶשׁ אֶטְעַם־
לֶחֶם אוֹ כָל־מְאוּמָה׃ וְכָל־הָעָם הִכִּירוּ וַיִּיטַב בְּעֵינֵיהֶם לו
כְּכֹל אֲשֶׁר עָשָׂה הַמֶּלֶךְ בְּעֵינֵי כָל־הָעָם טוֹב׃ וַיֵּדְעוּ לז
כָל־הָעָם וְכָל־יִשְׂרָאֵל בַּיּוֹם הַהוּא כִּי לֹא הָיְתָה מֵהַמֶּלֶךְ

כה׳ מובאך קרי   לד׳ חסר י   קמץ בז״ק

איז אַוועקגעגאַנגען בשלום. [23] און ווי יואָב און דער גאַנצער חיל וואָס מיט אים זיינען אָנגעקומען, האָט מען דערציילט יואָבן, אַזוי צו זאָגן: אַבנֵר דער זון פון נֵרן איז געקומען צום מלך, און ער האָט אים אַוועקגעשיקט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען בשלום.

[24] איז יואָב געקומען צום מלך, און האָט געזאָגט: וואָס האָסטו געטאָן? אָט איז אַבנֵר געקומען צו דיר; אַלמאַי האָסטו אים אָפּגעלאָזט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען? [25] דו קענסט אַבנֵר דעם זון פון נֵרן, אַז דיך צו פאַרנאַרן איז ער געקומען, און געוואָר צו ווערן ווו אויס און ווו אַיין בײַ דיר, און געוואָר צו ווערן אַלץ וואָס דו טוסט.

[26] און יואָב איז אַרויסגעגאַנגען פון דודן, און ער האָט געשיקט שלוחים נאָך אַבנֵרן, און זיי האָבן אים אומגעקערט פון בור־סִירָה; און דוד האָט ניט געוווּסט.

[27] און ווי אַבנֵר האָט זיך אומגעקערט קיין חֶברון, אַזוי האָט אים יואָב אָפּגענייגט אינעווייניק אין טויער, כּדי צו רעדן מיט אים שטילערהייט, און ער האָט אים דאָרטן געשלאָגן אין בויך, און ער איז געשטאָרבן, פאַר דעם בלוט פון זיין ברודער עֲשָׂהאֵלן.

[28] און דוד האָט עס דערנאָך געהערט, און ער האָט געזאָגט: ריין בין איך און מיין מלוכה פאַר גאָט אויף אייביק פון דעם בלוט פון אַבנֵר דעם זון פון נֵרן. [29] זאָל עס פאַלן אויפן קאָפּ פון יואָבן, און אויפן גאַנצן הויז פון זיין פאָטער, און זאָל ניט אויסגיין פון יואָבס הויז אַ פלוסיקער און אַ קרעציקער, און דער וואָס האַלט זיך אויף אַ שטעקן, און דער וואָס פאַלט דורכן שווערד, און דער וואָס אים פעלט ברויט.

[30] און יואָב און אַבִישַׁי זיין ברודער האָבן געהרגעט אַבנֵרן פאַרוואָס ער האָט געטייט זייער ברודער עֲשָׂהאֵלן אין גִבְעוֹן אין דער מלחמה.

[31] און דוד האָט געזאָגט צו יואָבן און צו דעם גאַנצן פאָלק וואָס מיט אים: צערייסט אייערע קליידער, און גורט אָן זאַק, און קלאָגט פאַרויס פאַר אַבנֵרן. און דער מלך דוד איז געגאַנגען נאָך דער מיטה. [32] און זיי האָבן באַגראָבן אַבנֵרן אין חֶברון. און דער מלך האָט אויפגעהויבן זיין קול, און האָט געוויינט אויף אַבנֵרס קבר, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט מיטגעוויינט. [33] און דער מלך האָט געקלאָגט אויף אַבנֵרן, און האָט געזאָגט:

זאָל אַבנֵר שטאַרבן ווי אַ נידערטרעכטיקער שטאַרבט?
[34] דיינע הענט זיינען ניט געבונדן געווען,
און דיינע פיס ניט אין קייטן געשמידט;
ווי מע פאַלט פאַר פאַרברעכער ביסטו געפאַלן.

און דאָס גאַנצע פאָלק האָט ווידער געוויינט אויף אים.

[35] און דאָס גאַנצע פאָלק איז געקומען צו געבן עסן דודן ברויט ווען עס איז נאָך געווען טאָג, אָבער דוד האָט געשוואָרן, אַזוי צו זאָגן: זאָל מיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער, אויב איך וועל פאַרזוכן ברויט אָדער עפּעס וואָס עס איז, איידער די זון גייט אונטער! [36] און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געמערקט, און עס איז וווילגעפעלן אין זייערע אויגן; אַלץ וואָס דער מלך האָט געטאָן איז וווילגעפעלן אין די אויגן פון גאַנצן פאָלק. [37] און דאָס גאַנצע פאָלק און גאַנץ ישראל האָבן געוווּסט אין יענעם טאָג, אַז דאָס איז ניט געווען פון מלך, צו טייטן אַבנֵר דעם זון פון נֵרן.

38 און דער מלך האָט געזאָגט צו זײַנע קנעכט: פֿאַר־
וואָר, איר דאַרפֿט וויסן, אַז אַ האַר און אַ גרויסער מאַן
איז געפֿאַלן הײַנטיקן טאָג אין ישׂראל. 39 און איך בין
הײַנט שוואַך, און נאָרוואָס געזאַלבט פֿאַר אַ מלך, און
דידאָזיקע לײַט, די זין פֿון צרויָהן, זײַנען צו האַרט פֿאַר
מיר. זאָל גאָט באַצאָלן דעם שלעכטסטוער לויט זײַן
שלעכטיקייט.

ד

1 און שָאולס זון האָט געהערט, אַז אַבנֵר איז אומ־
געקומען אין חֶברון, און זײַנע הענט זײַנען שלאַף
געוואָרן, און גאַנץ ישׂראל זײַנען דערשראָקן געוואָרן.
2 און שָאולס זון האָט געהאַט צוויי הויפּטלײַט פֿון
מחנות; דער נאָמען פֿון איינעם איז געווען בַּעֲנָה, און דער
נאָמען פֿון צווייטן רֵכָב, זין פֿון רִמון דעם בְּאֵרותער, פֿון
די קינדער פֿון בנימין; וואָרום אויך בְּאֵרות ווערט גע־
רעכנט צו בנימין; 3 און די בְּאֵרותער זײַנען אַנטלאָפֿן
קיין גִתַּיִם, און זײַנען דאָרטן געבליבן וווינען ביז אויף
הײַנטיקן טאָג.
4 און יהונָתָן דער זון פֿון שָאולן האָט געהאַט אַ זון אַ
לאָמען אויף די פֿיס. ער איז געווען פֿינף יאָר אַלט, ווען
די הערונג וועגן שָאולן און יהונָתָנען איז אָנגעקומען פֿון
יִזרְעֶאל. האָט אים זײַן אַם אויפֿגעהויבן און איז געלאָפֿן;
איז, אין איר אײַלעניש צו אַנטלויפֿן, איז ער געפֿאַלן
און איז הינקעדיק געוואָרן. און זײַן נאָמען איז געווען מפֿיבושֶת.
5 זײַנען געגאַנגען די זין פֿון רִמון דעם בְּאֵרותער, רֵכָב און בַּעֲנָה, און זיי זײַנען געקומען אין דער היץ פֿון
טאָג צום הויז פֿון איש־בושֶתן, בעת ער האָט געשלאָפֿן דעם מיטאָגשלאָף. 6 און זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אינעווייניק אין
הויז ווי קויפֿער פֿון ווייץ, און האָבן אים געשלאָגן אין בויך; און רֵכָב און זײַן ברודער בַּעֲנָה זײַנען אַנטרונען געוואָרן.
7 און אַז זיי זײַנען אַרײַן אין הויז, ווען ער איז געלעגן אויף זײַן בעט אין זײַן שלאָפֿקאַמער, און האָבן אים געשלאָגן און
געטייט, האָבן זיי אָפּגעשניטן זײַן קאָפּ; און זיי האָבן גענומען זײַן קאָפּ, און זײַנען געגאַנגען מיטן וועג פֿון פּלוין אַ גאַנצע
נאַכט. 8 און זיי האָבן געבראַכט דעם קאָפּ פֿון איש־בושֶתן צו דודן קיין חֶברון, און זיי האָבן געזאָגט צום מלך: אָט איז
דער קאָפּ פֿון איש־בושֶת דעם זון פֿון שָאול דײַן פֿײַנט וואָס האָט געזוכט דײַן לעבן; און גאָט האָט הײַנטיקן טאָג געגעבן
מײַן האַר דעם מלך אַ נקמה אָן שָאולן און אָן זײַן זאָמען.
9 האָט דוד געענטפֿערט רֵכָבן און זײַן ברודער בַּעֲנָהן, די זין פֿון רִמון דעם בְּאֵרותער, און ער האָט צו זיי געזאָגט:
אַזוי ווי עס לעבט גאָט וואָס האָט אויסגעלייזט מײַן זעל פֿון יעטוועדער צרה, 10 אַז דער וואָס האָט מיר דערציילט, אַזוי
צו זאָגן: „זע, שָאול איז טויט", און ער איז געווען ווי אַ בשׂורה־ברענגער אין זײַנע אויגן, האָב איך אים אָנגענומען, און האָב
אים געהרגעט אין ציקלַג, אָנשטאָט וואָס איך זאָל אים געבן בשׂורה־געלט. 11 הײַנט ווי נאָך אַז מענטשן רשעים האָבן

לח לְהָמִית אֶת־אַבְנֵר בֶּן־נֵר׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־
עֲבָדָיו הֲלוֹא תֵדְעוּ כִּי־שַׂר וְגָדוֹל נָפַל הַיּוֹם הַזֶּה
לט בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְאָנֹכִי הַיּוֹם רַךְ וּמָשׁוּחַ מֶלֶךְ וְהָאֲנָשִׁים
הָאֵלֶּה בְּנֵי צְרוּיָה קָשִׁים מִמֶּנִּי יְשַׁלֵּם יְהוָה לְעֹשֵׂה
הָרָעָה כְּרָעָתוֹ׃

ד

א וַיִּשְׁמַע בֶּן־שָׁאוּל כִּי מֵת אַבְנֵר בְּחֶבְרוֹן וַיִּרְפּוּ יָדָיו וְכָל־
ב יִשְׂרָאֵל נִבְהָלוּ׃ וּשְׁנֵי אֲנָשִׁים שָׂרֵי־גְדוּדִים הָיוּ בֶן־שָׁאוּל
שֵׁם הָאֶחָד בַּעֲנָה וְשֵׁם הַשֵּׁנִי רֵכָב בְּנֵי רִמּוֹן הַבְּאֵרֹתִי
ג מִבְּנֵי בִנְיָמִן כִּי גַּם־בְּאֵרוֹת תֵּחָשֵׁב עַל־בִּנְיָמִן׃ וַיִּבְרְחוּ
הַבְּאֵרֹתִים גִּתָּיְמָה וַיִּהְיוּ־שָׁם גָּרִים עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
ד וְלִיהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל בֵּן נְכֵה רַגְלָיִם בֶּן־חָמֵשׁ שָׁנִים הָיָה
בְּבֹא שְׁמֻעַת שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן מִיִּזְרְעֶאל וַתִּשָּׂאֵהוּ אֹמַנְתּוֹ
וַתָּנֹס וַיְהִי בְּחָפְזָהּ לָנוּס וַיִּפֹּל וַיִּפָּסֵחַ וּשְׁמוֹ מְפִיבֹשֶׁת׃
ה וַיֵּלְכוּ בְּנֵי־רִמּוֹן הַבְּאֵרֹתִי רֵכָב וּבַעֲנָה וַיָּבֹאוּ כְּחֹם הַיּוֹם
אֶל־בֵּית אִישׁ בֹּשֶׁת וְהוּא שֹׁכֵב אֵת מִשְׁכַּב הַצָּהֳרָיִם׃
ו וְהֵנָּה בָּאוּ עַד־תּוֹךְ הַבַּיִת לֹקְחֵי חִטִּים וַיַּכֻּהוּ אֶל־הַחֹמֶשׁ
ז וְרֵכָב וּבַעֲנָה אָחִיו נִמְלָטוּ׃ וַיָּבֹאוּ הַבַּיִת וְהוּא־שֹׁכֵב עַל־
מִטָּתוֹ בַּחֲדַר מִשְׁכָּבוֹ וַיַּכֻּהוּ וַיְמִתֻהוּ וַיָּסִירוּ אֶת־רֹאשׁוֹ
ח וַיִּקְחוּ אֶת־רֹאשׁוֹ וַיֵּלְכוּ דֶּרֶךְ הָעֲרָבָה כָּל־הַלָּיְלָה׃ וַיָּבִאוּ
אֶת־רֹאשׁ אִישׁ־בֹּשֶׁת אֶל־דָּוִד חֶבְרוֹן וַיֹּאמְרוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ
הִנֵּה־רֹאשׁ אִישׁ־בֹּשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל אֹיִבְךָ אֲשֶׁר בִּקֵּשׁ אֶת־
נַפְשֶׁךָ וַיִּתֵּן יְהוָה לַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ נְקָמוֹת הַיּוֹם הַזֶּה מִשָּׁאוּל
ט וּמִזַּרְעוֹ׃ וַיַּעַן דָּוִד אֶת־רֵכָב ׀ וְאֶת־בַּעֲנָה אָחִיו בְּנֵי רִמּוֹן
הַבְּאֵרֹתִי וַיֹּאמֶר לָהֶם חַי־יְהוָה אֲשֶׁר־פָּדָה אֶת־נַפְשִׁי מִכָּל־
י צָרָה׃ כִּי הַמַּגִּיד לִי לֵאמֹר הִנֵּה־מֵת שָׁאוּל וְהוּא־הָיָה
כִמְבַשֵּׂר בְּעֵינָיו וָאֹחֲזָה בוֹ וָאֶהְרְגֵהוּ בְּצִקְלָג אֲשֶׁר לְתִתִּי־
יא לוֹ בְּשֹׂרָה׃ אַף כִּי־אֲנָשִׁים רְשָׁעִים הָרְגוּ אֶת־אִישׁ־צַדִּיק

בְּבֵיתוֹ עַל־מִשְׁכָּבוֹ וְעַתָּה הֲלוֹא אֲבַקֵּשׁ אֶת־דָּמוֹ מִיֶּדְכֶם
יב וּבִעַרְתִּי אֶתְכֶם מִן־הָאָרֶץ׃ וַיְצַו דָּוִד אֶת־הַנְּעָרִים וַיַּהַרְגוּם
וַיְקַצְּצוּ אֶת־יְדֵיהֶם וְאֶת־רַגְלֵיהֶם וַיִּתְלוּ עַל־הַבְּרֵכָה
בְּחֶבְרוֹן וְאֵת רֹאשׁ אִישׁ־בֹּשֶׁת לָקָחוּ וַיִּקְבְּרוּ בְקֶבֶר־
אַבְנֵר בְּחֶבְרוֹן׃

ה

א וַיָּבֹאוּ כָּל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־דָּוִד חֶבְרוֹנָה וַיֹּאמְרוּ לֵאמֹר
ב הִנְנוּ עַצְמְךָ וּבְשָׂרְךָ אֲנָחְנוּ׃ גַּם־אֶתְמוֹל גַּם־שִׁלְשׁוֹם
בִּהְיוֹת שָׁאוּל מֶלֶךְ עָלֵינוּ אַתָּה הָיִיתָה מוֹצִיא וְהַמֵּבִי
אֶת־יִשְׂרָאֵל * וַיֹּאמֶר יְהוָה לְךָ אַתָּה תִרְעֶה
אֶת־עַמִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל וְאַתָּה תִּהְיֶה לְנָגִיד עַל־יִשְׂרָאֵל׃
ג וַיָּבֹאוּ כָּל־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל אֶל־הַמֶּלֶךְ חֶבְרוֹנָה וַיִּכְרֹת לָהֶם
הַמֶּלֶךְ דָּוִד בְּרִית בְּחֶבְרוֹן לִפְנֵי יְהוָה וַיִּמְשְׁחוּ אֶת־דָּוִד
ד לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃ בֶּן־שְׁלֹשִׁים שָׁנָה דָּוִד בְּמָלְכוֹ
ה אַרְבָּעִים שָׁנָה מָלָךְ׃ בְּחֶבְרוֹן מָלַךְ עַל־יְהוּדָה שֶׁבַע שָׁנִים
וְשִׁשָּׁה חֳדָשִׁים וּבִירוּשָׁלַםִ מָלַךְ שְׁלֹשִׁים וְשָׁלֹשׁ שָׁנָה עַל
ו כָּל־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה׃ וַיֵּלֶךְ הַמֶּלֶךְ וַאֲנָשָׁיו יְרוּשָׁלַםִ אֶל־
הַיְבֻסִי יוֹשֵׁב הָאָרֶץ וַיֹּאמֶר לְדָוִד לֵאמֹר לֹא־תָבוֹא הֵנָּה
כִּי אִם־הֱסִירְךָ הַעִוְרִים וְהַפִּסְחִים לֵאמֹר לֹא־יָבוֹא דָוִד
ז ח הֵנָּה׃ וַיִּלְכֹּד דָּוִד אֵת מְצֻדַת צִיּוֹן הִיא עִיר דָּוִד׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד בַּיּוֹם הַהוּא כָּל־מַכֵּה יְבֻסִי וְיִגַּע בַּצִּנּוֹר וְאֶת־
הַפִּסְחִים וְאֶת־הַעִוְרִים שְׂנֻאוּ נֶפֶשׁ דָּוִד עַל־כֵּן יֹאמְרוּ
ט עִוֵּר וּפִסֵּחַ לֹא יָבוֹא אֶל־הַבָּיִת׃ וַיֵּשֶׁב דָּוִד בַּמְּצֻדָה
וַיִּקְרָא־לָהּ עִיר דָּוִד וַיִּבֶן דָּוִד סָבִיב מִן־הַמִּלּוֹא וָבָיְתָה׃
י וַיֵּלֶךְ דָּוִד הָלוֹךְ וְגָדוֹל וַיהוָה אֱלֹהֵי צְבָאוֹת עִמּוֹ׃
יא וַיִּשְׁלַח חִירָם מֶלֶךְ־צֹר מַלְאָכִים אֶל־דָּוִד וַעֲצֵי אֲרָזִים
יב וְחָרָשֵׁי עֵץ וְחָרָשֵׁי אֶבֶן קִיר וַיִּבְנוּ־בַיִת לְדָוִד׃ וַיֵּדַע דָּוִד

ד, יב׳ קמץ בז״ק ה, ב׳ היית המוציא ק׳ והמביא ק׳
פסקא באמצע פסוק ח׳ שנאי קרי

געהרגעט אַן אומשולדיקן מענטשן אין זיין הויז אויף זיין געלעגער, זאָל איך אַצונד ניט מאָנען זיין בלוט פון אייער האַנט, און אייך אָפּראַמען פון דער ערד? 12 און דוד האָט באַפוילן די יונגען, און זיי האָבן זיי געהרגעט, און אָפּגעהאַקט זייערע הענט און זייערע פיס, און זיי אויפגעהאַנגען ביים טייך אין חֶברון. און דעם קאָפּ פון איש־בּוֹשֶׁתן האָבן זיי גענומען און באַגראָבן אין דעם קבר פון אַבנֵרן אין חֶברון.

ה 1 און אַלע שבטים פון ישראל זיינען געקומען צו דודן קיין חֶברון, און זיי האָבן געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: זע, דיין ביין און דיין פלייש זיינען מיר. 2 נאָך נעכטן און נאָך אייערנעכטן, אַז שָׁאול איז געווען מלך איבער אונדז, ביסט דו געווען דער וואָס האָט אַרויסגעפירט און אַריינגעפירט ישראל. און גאָט האָט צו דיר געזאָגט: דו זאָלסט פיטערן מיין פאָלק, ישראל, און דו זאָלסט זיין אַ פירשט איבער ישראל.

3 און אַלע עלטסטע פון ישראל זיינען געקומען צום מלך קיין חֶברון, און דער מלך דוד האָט זיי געשלאָסן אַ בונד אין חֶברון פאַר גאָט, און זיי האָבן געזאַלבט דודן פאַר אַ מלך איבער ישראל.

4 דרייסיק יאָר איז דוד אַלט געווען ווען ער איז געוואָרן מלך; פערציק יאָר האָט ער געקיניגט. 5 אין חֶברון האָט ער געקיניגט איבער יהודה זיבן יאָר און זעקס חדשים, און אין ירושָׁלַיִם האָט ער געקיניגט דריי און דרייסיק יאָר איבער גאַנץ ישראל און יהודה.

6 און דער מלך איז געגאַנגען מיט זיינע מענטשן קיין ירושָׁלַיִם אויף דעם יבוסי, דעם באַוווינער פון לאַנד. האָבן זיי געזאָגט צו דודן, אַזוי צו זאָגן: וועסט אַהער ניט קומען סיידן וועסט אָפּטאָן די בלינדע און די הינקעדיקע; אַזוי צו זאָגן: דוד קען אַהער ניט קומען. 7 אָבער דוד האָט באַצוווּנגען די פעסטונג פון צִיון, דאָס איז דודס־שטאָט. 8 און דוד האָט געזאָגט אין יענעם טאָג: ווער נאָר עס וועט שלאָגן דעם יבוסי, און וועט צוקומען צו דער וואַסעררינע, און [אָפּטאָן] די הינקעדיקע און די בלינדע, די פאַרהאַסטע פון דודס זעל. . . . . דרום זאָגט מען: אַ בלינדער און אַ הינקעדיקער איז דאָ; מע קען ניט אַריין אין הויז.

9 און דוד האָט זיך באַזעצט אין דער פעסטונג, און ער האָט זי גערופן דודס־שטאָט; און דוד האָט פאַרבויט רונד אַרום פון מִלוֹא און אינעווייניק צו. 10 און דוד איז געוואָרן אַלץ גרעסער, און יהוה דער גאָט פון צבָאוֹת איז געווען מיט אים.

11 און חירָם דער מלך פון צוֹר האָט געשיקט שלוחים צו דודן מיט צעדערהאָלץ און האָלצמייסטערס און שטיינמייסטערס, און זיי האָבן געבויט אַ הויז פאַר דודן. 12 און דוד האָט געוווּסט אַז גאָט האָט אים

כִּֽי־הֱכִינוֹ יְהוָה לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל וְכִי נִשֵּׂא מַמְלַכְתּוֹ
יג בַּעֲבוּר עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּקַּח דָּוִד עוֹד פִּלַגְשִׁים
וְנָשִׁים מִירוּשָׁלִַם אַחֲרֵי בֹּאוֹ מֵחֶבְרוֹן וַיִּוָּלְדוּ עוֹד לְדָוִד
יד בָּנִים וּבָנוֹת׃ וְאֵלֶּה שְׁמוֹת הַיִּלֹּדִים לוֹ בִּירוּשָׁלִָם שַׁמּוּעַ
טו וְשׁוֹבָב וְנָתָן וּשְׁלֹמֹה׃ וְיִבְחָר וֶאֱלִישׁוּעַ וְנֶפֶג וְיָפִיעַ׃
טז וֶאֱלִישָׁמָע וְאֶלְיָדָע וֶאֱלִיפָלֶט׃ יז וַיִּשְׁמְעוּ פְלִשְׁתִּים
כִּֽי־מָשְׁחוּ אֶת־דָּוִד לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲלוּ כָל־פְּלִשְׁתִּים
יח לְבַקֵּשׁ אֶת־דָּוִד וַיִּשְׁמַע דָּוִד וַיֵּרֶד אֶל־הַמְּצוּדָה׃ וּפְלִשְׁתִּים
יט בָּאוּ וַיִּנָּטְשׁוּ בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וַיִּשְׁאַל דָּוִד בַּֽיהוָה לֵאמֹר
הַאֶעֱלֶה אֶל־פְּלִשְׁתִּים הֲתִתְּנֵם בְּיָדִי * וַיֹּאמֶר
יְהוָה אֶל־דָּוִד עֲלֵה כִּֽי־נָתֹן אֶתֵּן אֶת־הַפְּלִשְׁתִּים בְּיָדֶךָ׃
כ וַיָּבֹא דָוִד בְּבַעַל־פְּרָצִים וַיַּכֵּם שָׁם דָּוִד וַיֹּאמֶר פָּרַץ
יְהוָה אֶת־אֹיְבַי לְפָנַי כְּפֶרֶץ מָיִם עַל־כֵּן קָרָא שֵׁם־הַמָּקוֹם
כא הַהוּא בַּעַל פְּרָצִים׃ וַיַּעַזְבוּ־שָׁם אֶת־עֲצַבֵּיהֶם וַיִּשָּׂאֵם
כב דָּוִד וַאֲנָשָׁיו׃ וַיֹּסִפוּ עוֹד פְּלִשְׁתִּים לַעֲלוֹת וַיִּנָּטְשׁוּ
כג בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וַיִּשְׁאַל דָּוִד בַּֽיהוָה וַיֹּאמֶר לֹא תַעֲלֶה
כד הָסֵב אֶל־אַחֲרֵיהֶם וּבָאתָ לָהֶם מִמּוּל בְּכָאִים׃ וִיהִי
בְּשָׁמְעֲךָ אֶת־קוֹל צְעָדָה בְּרָאשֵׁי הַבְּכָאִים אָז תֶּחֱרָץ כִּי
כה אָז יָצָא יְהוָה לְפָנֶיךָ לְהַכּוֹת בְּמַחֲנֵה פְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּעַשׂ
דָּוִד כֵּן כַּאֲשֶׁר צִוָּהוּ יְהוָה וַיַּךְ אֶת־פְּלִשְׁתִּים מִגֶּבַע עַד־
בֹּאֲךָ גָזֶר׃

ו

א וַיֹּסֶף עוֹד דָּוִד אֶת־כָּל־בָּחוּר בְּיִשְׂרָאֵל שְׁלֹשִׁים אָלֶף׃
ב וַיָּקָם ׀ וַיֵּלֶךְ דָּוִד וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ מִבַּעֲלֵי יְהוּדָה
לְהַעֲלוֹת מִשָּׁם אֵת אֲרוֹן הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר־נִקְרָא שֵׁם שֵׁם
ג יְהוָה צְבָאוֹת יֹשֵׁב הַכְּרֻבִים עָלָיו׃ וַיַּרְכִּבוּ אֶת־אֲרוֹן
הָאֱלֹהִים אֶל־עֲגָלָה חֲדָשָׁה וַיִּשָּׂאֻהוּ מִבֵּית אֲבִינָדָב אֲשֶׁר

ה, יט׳ פסקא באמצע פסוק   כד׳ כשמעך קרי   ו, א׳ הפטרת שמיני

באַפעסטיקט פאַר אַ מלך איבער ישׂראל, און אַז ער האָט דערהויבן זיין מלוכה פון וועגן זיין פאָלק ישׂראל.

13 און דוד האָט גענומען נאָך קעפסווייבער און ווייבער פון ירושָלַיִם נאָך זיין קומען פון חֶברון, און בײַ דודן זיינען געבאָרן געוואָרן נאָך זין און טעכטער. 14 און דאָס זיינען די נעמען פון די וואָס זיינען אים געבאָרן געוואָרן אין ירושָלַיִם: שַמוּעַ, און שוֹבָב, און נָתָן, און שלמה; 15 און יִבחָר, און אֱלישוּעַ, און נֶפֶג, און יָפִיעַ; 16 און אֱלישָמָע, און אֶליָדָע, און אֱליפֶלֶט.

17 און די פלִשתּים האָבן געהערט אַז מע האָט גע־זאַלבט דודן פאַר אַ מלך איבער ישׂראל, און אַלע פלִשתּים זיינען אַרויפגעגאַנגען צו זוכן דודן. האָט דוד דערהערט, און ער האָט אַראָפּגענידערט צו דער פעסטונג.

18 און די פלִשתּים זיינען געקומען, און האָבן זיך פאַרשפּרייט אין טאָל רפָאים.

19 האָט דוד געפרעגט בײַ גאָט, אַזוי צו זאָגן: זאָל איך אַרויפגיין אַקעגן די פלִשתּים? וועסטו זיי געבן אין מיין האַנט? האָט גאָט געזאָגט צו דודן: גיי אַרויף, וואָרום געבן וועל איך געבן די פלִשתּים אין דיין האַנט.

20 איז דוד געקומען אין בַּעַל־פּרָצים, און דוד האָט זיי דאָרטן געשלאָגן, און ער האָט געזאָגט: גאָט האָט דורכגעבראָכן מיינע פיינט פאַר מיר, אַזוי ווי אַ דורכ־בראָך פון וואַסער. דרום האָט מען גערופן דעם נאָמען פון יענעם אָרט בַּעַל־פּרָצים[א].

21 און זיי האָבן דאָרטן איבערגעלאָזט זייערע געצנבילדער, און דוד און זיינע מענטשן האָבן זיי אַוועקגעטראָגן.

22 און די פלִשתּים זיינען ווידער אַ מאָל אַרויפגעקומען, און האָבן זיך פאַרשפּרייט אין טאָל רפָאים. 23 האָט דוד געפרעגט בײַ גאָט, און ער האָט געזאָגט: זאָלסט ניט אַרויפגיין; דריי זיך אויס הינטער זיי, און זאָלסט קומען אויף זיי פון אַקעגן די מוילבערביימער. 24 און עס וועט זיין, אַז דו הערסט אַ גערויש פון טריט אין די שפּיצן פון די מוילבער־ביימער, דענסמאָל זאָלסטו אײַלן, וואָרום דענסמאָל איז גאָט אַרויסגעגאַנגען דיר פאַרויס, צו שלאָגן אין דעם לאַגער פון די פלִשתּים.

25 און דוד האָט אַזוי געטאָן—אַזוי ווי גאָט האָט אים באַפוילן, און ער האָט געשלאָגן די פלִשתּים פון גֶבַע ביז דו קומסט קיין גֶזֶר.

ו 1 און דוד האָט ווידער איינגעזאַמלט אַלע געקליבענע אין ישׂראל, דרייסיק טויזנט מאַן. 2 און דוד איז אויפגע־שטאַנען און איז געגאַנגען מיט דעם גאַנצן פאָלק וואָס מיט אים פון בַּעֲלֵי־יהודה, אַרויפצוברענגען פון דאָרטן דעם אָרון פון גאָט, וואָס אויף אים ווערט גערופן דער נאָמען—דער נאָמען פון גאָט פון צבָאוֹת וואָס זיצט אויף די כּרובים. 3 און זיי האָבן אַרויפגעלייגט דעם אָרון פון גאָט אויף אַ נייעם וואָגן, און האָבן אים אַוועקגענומען פון אַבינָדָבס הויז וואָס

[א] אָרט פון דורכבראָכן.

בְּגִבְעָה וְעֻזָּא וְאַחְיוֹ בְּנֵי אֲבִינָדָב נֹהֲגִים אֶת־הָעֲגָלָה
חֲדָשָׁה׃ וַיִּשָּׂאֻהוּ מִבֵּית אֲבִינָדָב אֲשֶׁר בַּגִּבְעָה עִם אֲרוֹן ד
הָאֱלֹהִים וְאַחְיוֹ הֹלֵךְ לִפְנֵי הָאָרוֹן׃ וְדָוִד ׀ וְכָל־בֵּית ה
יִשְׂרָאֵל מְשַׂחֲקִים לִפְנֵי יְהוָה בְּכֹל עֲצֵי בְרוֹשִׁים וּבְכִנֹּרוֹת
וּבִנְבָלִים וּבְתֻפִּים וּבִמְנַעַנְעִים וּבְצֶלְצֶלִים׃ וַיָּבֹאוּ עַד־ ו
גֹּרֶן נָכוֹן וַיִּשְׁלַח עֻזָּא אֶל־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיֹּאחֶז בּוֹ כִּי
שָׁמְטוּ הַבָּקָר׃ וַיִּחַר־אַף יְהוָה בְּעֻזָּה וַיַּכֵּהוּ שָׁם הָאֱלֹהִים ז
עַל־הַשַּׁל וַיָּמָת שָׁם עִם אֲרוֹן הָאֱלֹהִים׃ וַיִּחַר לְדָוִד עַל ח
אֲשֶׁר פָּרַץ יְהוָה פֶּרֶץ בְּעֻזָּה וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם הַהוּא פֶּרֶץ
עֻזָּה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיִּרָא דָוִד אֶת־יְהוָה בַּיּוֹם הַהוּא ט
וַיֹּאמֶר אֵיךְ יָבוֹא אֵלַי אֲרוֹן יְהוָה׃ וְלֹא־אָבָה דָוִד לְהָסִיר י
אֵלָיו אֶת־אֲרוֹן יְהוָה עַל־עִיר דָּוִד וַיַּטֵּהוּ דָוִד בֵּית עֹבֵד־
אֱדֹם הַגִּתִּי׃ וַיֵּשֶׁב אֲרוֹן יְהוָה בֵּית עֹבֵד אֱדֹם הַגִּתִּי יא
שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים וַיְבָרֶךְ יְהוָה אֶת־עֹבֵד אֱדֹם וְאֶת־כָּל־
בֵּיתוֹ׃ וַיֻּגַּד לַמֶּלֶךְ דָּוִד לֵאמֹר בֵּרַךְ יְהוָה אֶת־בֵּית עֹבֵד יב
אֱדֹם וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לוֹ בַּעֲבוּר אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיֵּלֶךְ דָּוִד
וַיַּעַל אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים מִבֵּית עֹבֵד אֱדֹם עִיר דָּוִד
בְּשִׂמְחָה׃ וַיְהִי כִּי צָעֲדוּ נֹשְׂאֵי אֲרוֹן־יְהוָה שִׁשָּׁה צְעָדִים יג
וַיִּזְבַּח שׁוֹר וּמְרִיא׃ וְדָוִד מְכַרְכֵּר בְּכָל־עֹז לִפְנֵי יְהוָה יד
וְדָוִד חָגוּר אֵפוֹד בָּד׃ וְדָוִד וְכָל־בֵּית יִשְׂרָאֵל מַעֲלִים טו
אֶת־אֲרוֹן יְהוָה בִּתְרוּעָה וּבְקוֹל שׁוֹפָר׃ וְהָיָה אֲרוֹן יְהוָה טז
בָּא עִיר דָּוִד וּמִיכַל בַּת־שָׁאוּל נִשְׁקְפָה ׀ בְּעַד הַחַלּוֹן
וַתֵּרֶא אֶת־הַמֶּלֶךְ דָּוִד מְפַזֵּז וּמְכַרְכֵּר לִפְנֵי יְהוָה וַתִּבֶז
לוֹ בְּלִבָּהּ׃ וַיָּבִאוּ אֶת־אֲרוֹן יְהוָה וַיַּצִּגוּ אֹתוֹ בִּמְקוֹמוֹ יז
בְּתוֹךְ הָאֹהֶל אֲשֶׁר נָטָה־לוֹ דָּוִד וַיַּעַל דָּוִד עֹלוֹת לִפְנֵי
יְהוָה וּשְׁלָמִים׃ וַיְכַל דָּוִד מֵהַעֲלוֹת הָעוֹלָה וְהַשְּׁלָמִים יח
וַיְבָרֶךְ אֶת־הָעָם בְּשֵׁם יְהוָה צְבָאוֹת׃ וַיְחַלֵּק לְכָל־הָעָם יט

ג׳ * במקום ה   ז׳ פתח באתנח

אין גִבעָה. און עוּזָה און אַחיו די זין פון אַבינָדָבן האָבן געפירט דעם נייעם וואָגן. [4] און אַז זיי האָבן אים אַוועקגענומען פון אַבינָדָבס הויז וואָס אין גִבעָה, מיט דעם אָרון פון גאָט, איז אַחיו געגאַנגען פאַרויס פאַרן אָרון. [5] און דוד און דאָס גאַנצע הויז פון ישׂראל האָבן געשפּילט פאַר גאָט אויף אַלערליי [כּלי־זֶמֶר פון] ציפּרעסנהאָלץ, און אויף האַרפן, און אויף גיטאַרן, און אויף פּויקן, און אויף קלעפּערלעך, און אויף צימבּלען.

[6] און ווי זיי זיינען געקומען ביזן שייער פון נָכון, האָט עוּזָה אויסגעשטרעקט זיין האַנט צום אָרון פון גאָט, און האָט אים אָנגענומען, וואָרום די רינדער האָבן אים אַראָפּגערוקט. [7] האָט דער צאָרן פון גאָט געגרימט אויף עוּזָהן, און גאָט האָט אים דאָרטן געשלאָגן פאַר דעם פאַרזע. און ער איז דאָרטן געשטאָרבן לעבן דעם אָרון פון גאָט.

[8] און דודן האָט געערגערט פאַרוואָס גאָט האָט געבּראַכט אַ בּראָך אויף עוּזָהן. און מע רופט יענעם אָרט פֶּרֶץ־עוּזָה[א] ביז אויף היינטיקן טאָג. [9] און דוד האָט מורא געהאַט פאַר גאָט יענעם טאָג, און ער האָט געזאָגט: ווי אַזוי זאָל דער אָרון פון גאָט קומען צו מיר?

[10] און דוד האָט ניט געוואָלט אָפּקערן דעם אָרון פון גאָט צו זיך אין דודס־שטאָט, און דוד האָט אים אָפּגעפירט צו דעם הויז פון עוֹבֵד־אֱדוֹמען פון גַת. [11] און דער אָרון פון גאָט איז געבּליבּן אין הויז פון עוֹבֵד־אֱדוֹמען פון גַת דריי חדשים. און גאָט האָט געבּענטשט עוֹבֵד־אֱדוֹמען און זיין גאַנץ הויז.

[12] איז דערציילט געוואָרן דעם מלך דודן, אַזוי צו זאָגן: גאָט האָט געבּענטשט דאָס הויז פון עוֹבֵד־אֱדוֹמען און אַלץ וואָס געהערט צו אים, פון וועגן דעם אָרון פון גאָט. איז דוד געגאַנגען, און האָט אַרויפגעבּראַכט דעם אָרון פון גאָט פון עוֹבֵד־אֱדוֹמס הויז אין דודס־שטאָט, מיט אַ שׂמחה. [13] און עס איז געווען, ווי די טרעגערס פון דעם אָרון פון גאָט זיינען אָפּגעגאַנגען זעקס טריט, אַזוי האָט ער געשלאַכט אַן אָקס און אַ געשטאָפּט רינד. [14] און דוד האָט געטאַנצט מיטן גאַנצן כּוח פאַר גאָט; און דוד איז געווען אָנגעגורט אין אַ ליינענעם אֵפוֹד. [15] און דוד און דאָס גאַנצע הויז פון ישׂראל האָבן אַרויפגעבּראַכט דעם אָרון פון גאָט מיט שאַלונג און מיט אַ קָול פון שופר.

[16] און עס איז געווען, ווי דער אָרון פון גאָט איז געקומען אין דודס־שטאָט, אַזוי האָט מיכל די טאָכטער פון שָאולן אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, און האָט געזען דעם מלך דודן טאַנצן און שפּרינגען פאַר גאָט, און זי האָט אים פאַראַכט אין איר האַרצן.

[17] און זיי האָבן געבּראַכט דעם אָרון פון גאָט, און האָבן אים אַוועקגעשטעלט אויף זיין אָרט, אין דעם געצעלט וואָס דוד האָט פאַר אים אויפגעשטעלט. און דוד האָט אויפגעבּראַכט בּראַנדאָפּפער און פרידאָפּפער פאַר גאָט. [18] און אַז דוד האָט געענדיקט אויפבּרענגען די בּראַנדאָפּפער און די פרידאָפּפער, האָט ער געבּענטשט דאָס פאָלק אין דעם נאָמען פון גאָט פון צבָאוֹת. [19] און ער האָט אויסגעטיילט דעם גאַנצן פאָלק,

[א] דער בּראָך פון עוּזָהן.

דעם גאַנצן המון פון ישראל, פון אַ מאַן ביז אַ פרוי, איט־לעכן אַ חלה ברויט, און אַ חלק פלייש, און אַ ראָזינקע־קוכן. און דאָס גאַנצע פאָלק איז געגאַנגען איטלעכער צו זיין הויז.

[20] און דוד האָט זיך אומגעקערט צו בענטשן זיין הויזגעזינט. איז מיכל די טאָכטער פון שָאולן אַרויסגע־גאַנגען דודן אַנטקעגן, און האָט געזאָגט: וואָס פאַר אַ כבוד האָט זיך היינט אָנגעטאָן דער מלך פון ישראל, ווען ער האָט זיך היינט אָפּגעדעקט פאַר די אויגן פון די דינסטן פון זיינע קנעכט, אַזוי ווי אָפּדעקן דעקט זיך אָפּ איינער פון די נישטווערטיקע! [21] האָט דוד געזאָגט צו מיכלען: פאַר גאָט וואָס האָט אויסדערוויילט מיך איידער דיין פאָטער און איידער דיין גאַנץ הויז, מיך צו באַפעלן פאַר אַ פירשט איבער דעם פאָלק פון גאָט, איבער ישראל – פאַר גאָט וועל איך מיך פריילעך מאַכן. [22] און איך וועל זיך נאָך קלענער האַלטן ווי דאָס, און וועל זיין שָפל אין מיינע אויגן. און מיט די דינסטן וואָס דו זאָגסט, מיט זיי טו איך זיך אָן כבוד.

[23] און מיכל די טאָכטער פון שָאולן, זי האָט ניט גע־האַט קיין קינד ביז דעם טאָג פון איר טויט.

לְכָל־הֲמוֹן יִשְׂרָאֵל לְמֵאִישׁ וְעַד־אִשָּׁה לְאִישׁ חַלַּת לֶחֶם
אַחַת וְאֶשְׁפָּר אֶחָד וַאֲשִׁישָׁה אֶחָת וַיֵּלֶךְ כָּל־הָעָם אִישׁ
כ לְבֵיתוֹ׃ וַיָּשָׁב דָּוִד לְבָרֵךְ אֶת־בֵּיתוֹ וַתֵּצֵא
מִיכַל בַּת־שָׁאוּל לִקְרַאת דָּוִד וַתֹּאמֶר מַה־נִּכְבַּד הַיּוֹם
מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר נִגְלָה הַיּוֹם לְעֵינֵי אַמְהוֹת עֲבָדָיו
כא כְּהִגָּלוֹת נִגְלוֹת אַחַד הָרֵקִים׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־מִיכַל לִפְנֵי
יְהוָה אֲשֶׁר בָּחַר־בִּי מֵאָבִיךְ וּמִכָּל־בֵּיתוֹ לְצַוֹּת אֹתִי נָגִיד
כב עַל־עַם יְהוָה עַל־יִשְׂרָאֵל וְשִׂחַקְתִּי לִפְנֵי יְהוָה׃ וּנְקַלֹּתִי
עוֹד מִזֹּאת וְהָיִיתִי שָׁפָל בְּעֵינָי וְעִם־הָאֲמָהוֹת אֲשֶׁר אָמַרְתְּ
כג עִמָּם אִכָּבֵדָה׃ וּלְמִיכַל בַּת־שָׁאוּל לֹא־הָיָה לָהּ יָלֶד עַד
יוֹם מוֹתָהּ׃

ז

א וַיְהִי כִּי־יָשַׁב הַמֶּלֶךְ בְּבֵיתוֹ וַיהוָה הֵנִיחַ־לוֹ מִסָּבִיב מִכָּל־
ב אֹיְבָיו׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־נָתָן הַנָּבִיא רְאֵה נָא אָנֹכִי
יוֹשֵׁב בְּבֵית אֲרָזִים וַאֲרוֹן הָאֱלֹהִים יֹשֵׁב בְּתוֹךְ הַיְרִיעָה׃
ג וַיֹּאמֶר נָתָן אֶל־הַמֶּלֶךְ כֹּל אֲשֶׁר בִּלְבָבְךָ לֵךְ עֲשֵׂה כִּי
ד יְהוָה עִמָּךְ׃ וַיְהִי בַּלַּיְלָה הַהוּא וַיְהִי דְּבַר־
ה יְהוָה אֶל־נָתָן לֵאמֹר׃ לֵךְ וְאָמַרְתָּ אֶל־עַבְדִּי אֶל־דָּוִד
ו כֹּה אָמַר יְהוָה הַאַתָּה תִּבְנֶה־לִּי בַיִת לְשִׁבְתִּי׃ כִּי לֹא
יָשַׁבְתִּי בְּבַיִת לְמִיּוֹם הַעֲלֹתִי אֶת־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם
ז וְעַד הַיּוֹם הַזֶּה וָאֶהְיֶה מִתְהַלֵּךְ בְּאֹהֶל וּבְמִשְׁכָּן׃ בְּכֹל
אֲשֶׁר־הִתְהַלַּכְתִּי בְּכָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֲדָבָר דִּבַּרְתִּי אֶת־אַחַד
שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר צִוִּיתִי לִרְעוֹת אֶת־עַמִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל
ח לֵאמֹר לָמָּה לֹא־בְנִיתֶם לִי בֵּית אֲרָזִים׃ וְעַתָּה כֹּה־תֹאמַר
לְעַבְדִּי לְדָוִד כֹּה אָמַר יְהוָה צְבָאוֹת אֲנִי לְקַחְתִּיךָ מִן־
הַנָּוֶה מֵאַחַר הַצֹּאן לִהְיוֹת נָגִיד עַל־עַמִּי עַל־יִשְׂרָאֵל׃
ט וָאֶהְיֶה עִמְּךָ בְּכֹל אֲשֶׁר הָלַכְתָּ וָאַכְרִתָה אֶת־כָּל־אֹיְבֶיךָ

ו, יט׳ פ״כ לספרדים כ׳ פסקא באמצע פסוק כג׳ כ״ל ז ד׳ פסקא באמצע פסוק

ז [1] און עס איז געווען, אַז דער מלך האָט זיך באַזעצט אין זיין הויז, און גאָט האָט אים באַרוט רונד אַרום פון אַלע זיינע פיינט, [2] האָט דער מלך געזאָגט צו נָתָן דעם נביא: זע נאָר, איך וווין אין אַ הויז פון צעדערן, און דער אָרון פון גאָט וווינט אין פאָרהאַנגען. [3] האָט נָתָן געזאָגט צום מלך: אַלץ וואָס אין דיין האַרצן גיי טו, וואָרום גאָט איז מיט דיר.

[4] און עס איז געווען אין יענער נאַכט, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו נָתָנען, אַזוי צו זאָגן: [5] גיי און זאָלסט זאָגן צו מיין קנעכט, צו דודן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: ווילסט דו דען מיר בויען אַ הויז צום וווינען פאַר מיר? [6] אַז איך האָב ניט געוווינט אין אַ הויז פון דעם טאָג וואָס איך האָב אויפגעבראַכט די קינדער פון ישראל פון מִצרַיִם און ביז אויף היינטיקן טאָג, נייערט איך פלעג אומגיין אין אַ געצעלט און אין אַ מִשכּן. [7] אומעטום ווו איך בין אומגעגאַנגען צווישן אַלע קינדער פון ישראל, צי האָב איך אַ וואָרט גערעדט מיט איינעם פון די שבטים פון ישראל, וואָס איך האָב באַפוילן צו פיטערן מיין פאָלק ישראל, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס האָט איר מיר ניט געבויט אַ הויז פון צעדערן? [8] און אַצונד, זאָלסטו אַזוי זאָגן צו מיין קנעכט, צו דודן: אַזוי האָט געזאָגט גאָט פון צבָאוֹת: איך האָב דיך גענומען פון דעם פיטערפּלאַץ, פון הינטער די שאָף, צו זיין אַ פירשט איבער מיין פאָלק, איבער ישראל. [9] און איך בין געווען מיט דיר אומעטום ווו דו ביסט געגאַנגען, און איך האָב פאַרשניטן אַלע דיינע פיינט

מִפָּנֶיךָ וְעָשִׂתִי לְךָ שֵׁם גָּדוֹל כְּשֵׁם הַגְּדֹלִים אֲשֶׁר בָּאָרֶץ׃
וְשַׂמְתִּי מָקוֹם לְעַמִּי לְיִשְׂרָאֵל וּנְטַעְתִּיו וְשָׁכַן תַּחְתָּיו וְלֹא י
יִרְגַּז עוֹד וְלֹא־יֹסִיפוּ בְנֵי־עַוְלָה לְעַנּוֹתוֹ כַּאֲשֶׁר בָּרִאשׁוֹנָה׃
וּלְמִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר צִוִּיתִי שֹׁפְטִים עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל וַהֲנִיחֹתִי יא
לְךָ מִכָּל־אֹיְבֶיךָ וְהִגִּיד לְךָ יְהוָה כִּי־בַיִת יַעֲשֶׂה־לְּךָ יְהוָה׃
כִּי ׀ יִמְלְאוּ יָמֶיךָ וְשָׁכַבְתָּ אֶת־אֲבֹתֶיךָ וַהֲקִימֹתִי אֶת־זַרְעֲךָ יב
אַחֲרֶיךָ אֲשֶׁר יֵצֵא מִמֵּעֶיךָ וַהֲכִינֹתִי אֶת־מַמְלַכְתּוֹ׃ הוּא יג
יִבְנֶה־בַּיִת לִשְׁמִי וְכֹנַנְתִּי אֶת־כִּסֵּא מַמְלַכְתּוֹ עַד־עוֹלָם׃
אֲנִי אֶהְיֶה־לּוֹ לְאָב וְהוּא יִהְיֶה־לִּי לְבֵן אֲשֶׁר בְּהַעֲוֺתוֹ יד
וְהֹכַחְתִּיו בְּשֵׁבֶט אֲנָשִׁים וּבְנִגְעֵי בְּנֵי אָדָם׃ וְחַסְדִּי לֹא־ טו
יָסוּר מִמֶּנּוּ כַּאֲשֶׁר הֲסִרֹתִי מֵעִם שָׁאוּל אֲשֶׁר הֲסִרֹתִי
מִלְּפָנֶיךָ׃ וְנֶאְמַן בֵּיתְךָ וּמַמְלַכְתְּךָ עַד־עוֹלָם לְפָנֶיךָ כִּסְאֲךָ טז
יִהְיֶה נָכוֹן עַד־עוֹלָם׃ כְּכֹל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וּכְכֹל הַחִזָּיוֹן יז
הַזֶּה כֵּן דִּבֶּר נָתָן אֶל־דָּוִד׃* וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ דָּוִד וַיֵּשֶׁב יח
לִפְנֵי יְהוָה וַיֹּאמֶר מִי אָנֹכִי אֲדֹנָי יְהוִה וּמִי בֵיתִי כִּי הֲבִיאֹתַנִי
עַד־הֲלֹם׃ וַתִּקְטַן עוֹד זֹאת בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנָי יְהוִה וַתְּדַבֵּר יט
גַּם אֶל־בֵּית־עַבְדְּךָ לְמֵרָחוֹק וְזֹאת תּוֹרַת הָאָדָם אֲדֹנָי
יְהוִה׃ וּמַה־יּוֹסִיף דָּוִד עוֹד לְדַבֵּר אֵלֶיךָ וְאַתָּה יָדַעְתָּ כ
אֶת־עַבְדְּךָ אֲדֹנָי יְהוִה׃ בַּעֲבוּר דְּבָרְךָ וּכְלִבְּךָ עָשִׂיתָ כא
אֵת כָּל־הַגְּדוּלָּה הַזֹּאת לְהוֹדִיעַ אֶת־עַבְדֶּךָ׃ עַל־כֵּן גָּדַלְתָּ כב
יְהוָה אֱלֹהִים כִּי־אֵין כָּמוֹךָ וְאֵין אֱלֹהִים זוּלָתֶךָ בְּכֹל
אֲשֶׁר־שָׁמַעְנוּ בְּאָזְנֵינוּ׃ וּמִי כְעַמְּךָ כְּיִשְׂרָאֵל גּוֹי אֶחָד כג
בָּאָרֶץ אֲשֶׁר הָלְכוּ־אֱלֹהִים לִפְדּוֹת־לוֹ לְעָם וְלָשׂוּם לוֹ
שֵׁם וְלַעֲשׂוֹת לָכֶם הַגְּדוּלָּה וְנֹרָאוֹת לְאַרְצֶךָ מִפְּנֵי עַמְּךָ
אֲשֶׁר פָּדִיתָ לְּךָ מִמִּצְרַיִם גּוֹיִם וֵאלֹהָיו׃ וַתְּכוֹנֵן לְךָ אֶת־ כד
עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל ׀ לְךָ לְעָם עַד־עוֹלָם וְאַתָּה יְהוָה הָיִיתָ לָהֶם
לֵאלֹהִים׃ וְעַתָּה יְהוָה אֱלֹהִים הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ עַל־ כה

יז׳ ע״כ לאשכנזים   כא׳ כג׳ שורק עם הדגש   כב׳ ס״א בכל

פון פאַר דיר; און איך וועל דיר מאַכן אַ גרויסן נאָמען, אַזוי ווי דער נאָמען פון די גרעסטע וואָס אויף דער ערד. [10] און איך וועל מאַכן אַן אָרט פאַר מיין פאָלק, פאַר ישׂראל, און וועל אים אַיינפלאַנצן, ער זאָל רוען אויף זיין אָרט, און מער ניט ציטערן; און פאַרברעכער זאָלן אים מער ניט פייניקן אַזוי ווי צוערשט, [11] פון דעם טאָג וואָס איך האָב באַפוילן שופטים איבער מיין פאָלק ישׂראל; און איך וועל דיך באַרוען פון אַלע דיינע פיינט. און גאָט זאָגט דיר אָן, אַז גאָט וועט דיר מאַכן אַ הויז. [12] אַז דיינע טעג וועלן דערפילט ווערן, און וועסט זיך לייגן מיט דיינע עלטערן, וועל איך אויפשטעלן דיין זאָמען נאָך דיר, דעם וואָס וועט אַרויסגיין פון דיינע אינגעווייד, און איך וועל באַפעסטיקן זיין מלוכה. [13] ער וועט בויען אַ הויז צו מיין נאָמען, און איך וועל באַפעסטיקן דעם טראָן פון זיין מלוכה ביז אויף אייביק. [14] איך וועל אים זיין פאַר אַ פאָטער, און ער וועט מיר זיין פאַר אַ זון, אַז ווען ער פאַרברעכט, וועל איך אים שטראָפן מיט דער רוט פון מענטשן, און מיט די פלאָגן פון מענטשנקינדער. [15] אָבער מיין חסד וועט זיך ניט אָפּטאָן פון אים, אַזוי ווי איך האָב אָפּגעטאָן פון שָאולן, וועמען איך האָב אָפּגעטאָן פון פאַר דיר. [16] און דיין הויז און דיין מלוכה וועלן ביז אייביק זיין זיכער פאַר דיר; דיין טראָן וועט זיין פעסט ביז אייביק.

[17] אַזוי ווי אַלע דידאָזיקע ווערטער, און אַזוי ווי דידאָזיקע גאַנצע זעאונג, אַזוי האָט נָתָן גערעדט צו דודן.

[18] און דער מלך דוד איז געקומען, און האָט זיך געזעצט פאַר גאָט, און האָט געזאָגט: ווער בין איך, גאָט דו האַר, און ווער איז מיין הויז, וואָס דו האָסט מיך געבראַכט ביז אַהער? [19] און דאָס איז נאָך געווען קליין אין דיינע אויגן, גאָט דו האַר, און דו האָסט אויך גערעדט וועגן דיין קנעכטס הויז אויף ווייטער אַהין, וואָס דאָס איז נאָר דער שטייגער מיט אַ לייט, גאָט דו האַר. [20] און וואָס מער נאָך זאָל דוד רעדן צו דיר? דו קענסט דאָך דיין קנעכט, גאָט דו האַר. [21] פון וועגן דיין וואָרט, און לויט דיין האַרצן, האָסטו געטאָן, צו לאָזן וויסן דיין קנעכט דידאָזיקע גאַנצע גדולה. [22] דעריבער ביסטו גרויס, יהוה דו גאָט, וואָרום ניטאָ אַזאַ ווי דו, און ניטאָ קיין גאָט אַחוץ דיר, לויט אַלץ וואָס מיר האָבן געהערט מיט אונדזערע אויערן. [23] און וואָסער איינציקע אומה אויף דער ערד איז אַזוי ווי דיין פאָלק ישׂראל, וואָס גאָט איז געגאַנגען אויסלייזן זיך צום פאָלק, און זיך צו מאַכן אַ נאָמען, און צו טאָן־פון אייערטוועגן־גרויס׳, און פאָרכטיקע זאַכן, פאַר דיין לאַנד, [צו פאַרטרייבן] פון פאַר דיין פאָלק וואָס דו האָסט דיר אויסגעלייזט פון מִצרַיִם, אומות מיט זייערע געטער? [24] און דו האָסט דיר באַפעסטיקט דיין פאָלק ישׂראל דיר צום פאָלק אויף אייביק, און דו, יהוה, ביסט געוואָרן זיי צום גאָט. [25] און אַצונד, יהוה דו גאָט, דאָס וואָרט וואָס דו האָסט גערעדט וועגן

דיין קנעכט. און וועגן זיין הויז, זיי מקיים אויף אייביק, און טו אַזוי ווי דו האָסט גערעדט. [26] און זאָל געגרייסט ווערן דיין נאָמען ביז אייביק, אַזוי צו זאָגן: יהוה פון צבָאוֹת איז דער גאָט איבער ישראל; און דאָס הויז פון דיין קנעכט דודן זאָל זיין פעסט פאַר דיר. [27] וואָרום דו, יהוה פון צבָאוֹת, דער גאָט איבער ישראל, האָסט אַנטפּלעקט דעם אויער פון דיין קנעכט, אַזוי צו זאָגן: איך וועל דיר בויען אַ הויז; דרום האָט דיין קנעכט געפונען ביי זיך האַרץ מתפלל צו זיין צו דיר דידאָזיקע תפילה. [28] און אַצונד, יהוה גאָט, דו ביסט גאָט, און דיינע ווערטער מוזן זיין אמת, און דו האָסט צוגעזאָגט דיין קנעכט דאָסדאָזיקע גוטס; [29] דרום באַוויליק אַצונד, און בענטש דאָס הויז פון דיין קנעכט צו זיין אויף אייביק פאַר דיר, וואָרום דו גאָט דער האַר האָסט גערעדט; און פון דיין ברכה זאָל דאָס הויז פון דיין קנעכט געבענטשט ווערן אויף אייביק.

ח [1] און עס איז געווען נאָך דעם, האָט דוד געשלאָגן די פּלִשתּים, און האָט זיי געמאַכט אונטערטעניק, און דוד האָט צוגענומען מֶתֶג־אַמָה פון דער האַנט פון די פּלִשתּים.

[2] און ער האָט געשלאָגן מוֹאָב, און האָט זיי געמאָסטן מיט אַ שנור, זיי אויסלייגנדיק אויף דער ערד; און ער האָט אָפּגעמאָסטן צוויי שנורן צו טייטן, און איין פולע שנור צו לאָזן לעבן. און מוֹאָב איז געוואָרן צו דודן קנעכט וואָס ברענגען אָפּגאָב.

[3] און דוד האָט געשלאָגן הֲדַדעֶזֶר דעם זון פון רחוֹבן, דעם מלך פון צוֹבָה, בעת ער איז געגאַנגען צוריקקריגן זיין איבערהאַנט ביים טייך פּרָת. [4] און דוד האָט באַצוווּנגען פון אים טויזנט און זיבן הונדערט רייטער, און צוואַנציק טויזנט פוסגייער; און דוד האָט געליימט אַלע געשפּאַנען, נאָר איבערגעלאָזט פון זיי הונדערט געשפּאַן.

[5] איז אַרָם פון דַמֶשֶׂק געקומען העלפן הֲדַדעֶזֶר דעם מלך פון צוֹבָה, און דוד האָט געשלאָגן פון אַרָם צוויי און צוואַנציק טויזנט מאַן. [6] און דוד האָט געשטעלט וואַכן אין אַרָם פון דַמֶשֶׂק, און אַרָם איז געוואָרן צו דודן קנעכט וואָס ברענגען אָפּגאָב.

און גאָט האָט געהאָלפן דודן אומעטום ווו ער איז געגאַנגען.

[7] און דוד האָט גענומען די גילדערנע שילדן וואָס זיינען געווען אויף הֲדַדעֶזֶרס קנעכט, און ער האָט זיי געבראַכט קיין ירושָלַיִם. [8] און פון בֶּטַח און פון בֵּרוֹתַי, הֲדַדעֶזֶרס שטעט, האָט דער מלך דוד צוגענומען קופּער זייער פיל.

[9] און תּוֹעִי דער מלך פון חֲמָת האָט געהערט אַז דוד האָט געשלאָגן דעם גאַנצן חיל פון הֲדַדעֶזֶרן, [10] און תּוֹעִי האָט געשיקט זיין זון יוֹרָמען צום מלך דוד, אים צו פרעגן אויף פריד און אים אָנצווינטשן, פאַרוואָס ער האָט מלחמה געהאַלטן

עַבְדְּךָ וְעַל־בֵּיתוֹ הָקֵם עַד־עוֹלָם וַעֲשֵׂה כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ׃
כו וְיִגְדַּל שִׁמְךָ עַד־עוֹלָם לֵאמֹר יְהוָה צְבָאוֹת אֱלֹהִים עַל־
כז יִשְׂרָאֵל וּבֵית עַבְדְּךָ דָוִד יִהְיֶה נָכוֹן לְפָנֶיךָ׃ כִּי־אַתָּה יְהוָה
צְבָאוֹת אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל גָּלִיתָה אֶת־אֹזֶן עַבְדְּךָ לֵאמֹר בַּיִת
אֶבְנֶה־לָּךְ עַל־כֵּן מָצָא עַבְדְּךָ אֶת־לִבּוֹ לְהִתְפַּלֵּל אֵלֶיךָ אֶת־
כח הַתְּפִלָּה הַזֹּאת׃ וְעַתָּה ׀ אֲדֹנָי יְהוִה אַתָּה־הוּא הָאֱלֹהִים
וּדְבָרֶיךָ יִהְיוּ אֱמֶת וַתְּדַבֵּר אֶל־עַבְדְּךָ אֶת־הַטּוֹבָה הַזֹּאת׃
כט וְעַתָּה הוֹאֵל וּבָרֵךְ אֶת־בֵּית עַבְדְּךָ לִהְיוֹת לְעוֹלָם לְפָנֶיךָ כִּי־
אַתָּה אֲדֹנָי יְהוִה דִּבַּרְתָּ וּמִבִּרְכָתְךָ יְבֹרַךְ בֵּית־עַבְדְּךָ לְעוֹלָם׃

ח

א וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיַּךְ דָּוִד אֶת־פְּלִשְׁתִּים וַיַּכְנִיעֵם וַיִּקַּח דָּוִד
ב אֶת־מֶתֶג הָאַמָּה מִיַּד פְּלִשְׁתִּים׃ וַיַּךְ אֶת־מוֹאָב וַיְמַדְּדֵם
בַּחֶבֶל הַשְׁכֵּב אוֹתָם אַרְצָה וַיְמַדֵּד שְׁנֵי־חֲבָלִים לְהָמִית
וּמְלֹא הַחֶבֶל לְהַחֲיוֹת וַתְּהִי מוֹאָב לְדָוִד לַעֲבָדִים נֹשְׂאֵי
ג מִנְחָה׃ וַיַּךְ דָּוִד אֶת־הֲדַדְעֶזֶר בֶּן־רְחֹב מֶלֶךְ צוֹבָה בְּלֶכְתּוֹ
ד לְהָשִׁיב יָדוֹ בִּנְהַר־ ׃ וַיִּלְכֹּד דָּוִד מִמֶּנּוּ אֶלֶף וּשְׁבַע־
מֵאוֹת פָּרָשִׁים וְעֶשְׂרִים אֶלֶף אִישׁ רַגְלִי וַיְעַקֵּר דָּוִד אֶת־
ה כָּל־הָרֶכֶב וַיּוֹתֵר מִמֶּנּוּ מֵאָה רָכֶב׃ וַתָּבֹא אֲרַם דַּמֶּשֶׂק
לַעְזֹר לַהֲדַדְעֶזֶר מֶלֶךְ צוֹבָה וַיַּךְ דָּוִד בַּאֲרָם עֶשְׂרִים־
ו וּשְׁנַיִם אֶלֶף אִישׁ׃ וַיָּשֶׂם דָּוִד נְצִבִים בַּאֲרַם דַּמֶּשֶׂק וַתְּהִי
אֲרָם לְדָוִד לַעֲבָדִים נוֹשְׂאֵי מִנְחָה וַיּוֹשַׁע יְהוָה אֶת־דָּוִד
ז בְּכֹל אֲשֶׁר הָלָךְ׃ וַיִּקַּח דָּוִד אֵת שִׁלְטֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר הָיוּ
ח אֶל עַבְדֵי הֲדַדְעָזֶר וַיְבִיאֵם יְרוּשָׁלִָם׃ וּמִבֶּטַח וּמִבֵּרֹתַי
עָרֵי הֲדַדְעָזֶר לָקַח הַמֶּלֶךְ דָּוִד נְחֹשֶׁת הַרְבֵּה מְאֹד׃
ט וַיִּשְׁמַע תֹּעִי מֶלֶךְ חֲמָת כִּי הִכָּה דָוִד אֵת כָּל־חֵיל הֲדַדְעָזֶר׃
י וַיִּשְׁלַח תֹּעִי אֶת־יוֹרָם־בְּנוֹ אֶל־הַמֶּלֶךְ־דָּוִד לִשְׁאָל־לוֹ
לְשָׁלוֹם וּלְבָרְכוֹ עַל אֲשֶׁר נִלְחַם בַּהֲדַדְעֶזֶר וַיַּכֵּהוּ כִּי־

ז, כה׳ פתח בס״פ   ח, ג׳ פרת קרי ולא כתוב

אִישׁ מִלְחֲמוֹת תֹּעִי הָיָה הֲדַדְעָזֶר וּבְיָדוֹ הָיוּ כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי־
זָהָב וּכְלֵי נְחֹשֶׁת׃ גַּם־אֹתָם הִקְדִּישׁ הַמֶּלֶךְ דָּוִד לַיהוָה עִם־ יא
הַכֶּסֶף וְהַזָּהָב אֲשֶׁר הִקְדִּישׁ מִכָּל־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר כִּבֵּשׁ׃
מֵאֲרָם וּמִמּוֹאָב וּמִבְּנֵי עַמּוֹן וּמִפְּלִשְׁתִּים וּמֵעֲמָלֵק וּמִשְּׁלַל יב
הֲדַדְעֶזֶר בֶּן־רְחֹב מֶלֶךְ צוֹבָה׃ וַיַּעַשׂ דָּוִד שֵׁם בְּשֻׁבוֹ יג
מֵהַכּוֹתוֹ אֶת־אֲרָם בְּגֵיא־מֶלַח שְׁמוֹנָה עָשָׂר אָלֶף׃ וַיָּשֶׂם יד
בֶּאֱדוֹם נְצִבִים בְּכָל־אֱדוֹם שָׂם נְצִבִים וַיְהִי כָל־אֱדוֹם
עֲבָדִים לְדָוִד וַיּוֹשַׁע יְהוָה אֶת־דָּוִד בְּכֹל אֲשֶׁר הָלָךְ׃ וַיִּמְלֹךְ טו
דָּוִד עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיְהִי דָוִד עֹשֶׂה מִשְׁפָּט וּצְדָקָה לְכָל־
עַמּוֹ׃ וְיוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה עַל־הַצָּבָא וִיהוֹשָׁפָט בֶּן־אֲחִילוּד טז
מַזְכִּיר׃ וְצָדוֹק בֶּן־אֲחִיטוּב וַאֲחִימֶלֶךְ בֶּן־אֶבְיָתָר כֹּהֲנִים יז
וּשְׂרָיָה סוֹפֵר׃ וּבְנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע וְהַכְּרֵתִי וְהַפְּלֵתִי וּבְנֵי יח
דָוִד כֹּהֲנִים הָיוּ׃

## ט

וַיֹּאמֶר דָּוִד הֲכִי יֶשׁ־עוֹד אֲשֶׁר נוֹתַר לְבֵית שָׁאוּל וְאֶעֱשֶׂה א
עִמּוֹ חֶסֶד בַּעֲבוּר יְהוֹנָתָן׃ וּלְבֵית שָׁאוּל עֶבֶד וּשְׁמוֹ ב
צִיבָא וַיִּקְרְאוּ־לוֹ אֶל־דָּוִד וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֵלָיו הַאַתָּה
צִיבָא וַיֹּאמֶר עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ הַאֶפֶס עוֹד אִישׁ ג
לְבֵית שָׁאוּל וְאֶעֱשֶׂה עִמּוֹ חֶסֶד אֱלֹהִים וַיֹּאמֶר צִיבָא
אֶל־הַמֶּלֶךְ עוֹד בֵּן לִיהוֹנָתָן נְכֵה רַגְלָיִם׃ וַיֹּאמֶר־לוֹ הַמֶּלֶךְ ד
אֵיפֹה הוּא וַיֹּאמֶר צִיבָא אֶל־הַמֶּלֶךְ הִנֵּה־הוּא בֵּית מָכִיר
בֶּן־עַמִּיאֵל בְּלוֹ דְבָר׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ דָּוִד וַיִּקָּחֵהוּ מִבֵּית ה
מָכִיר בֶּן־עַמִּיאֵל מִלּוֹ דְבָר׃ וַיָּבֹא מְפִיבֹשֶׁת בֶּן־יְהוֹנָתָן ו
בֶּן־שָׁאוּל אֶל־דָּוִד וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו וַיִּשְׁתָּחוּ וַיֹּאמֶר דָּוִד
מְפִיבֹשֶׁת וַיֹּאמֶר הִנֵּה עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ דָוִד אַל־תִּירָא ז
כִּי עָשֹׂה אֶעֱשֶׂה עִמְּךָ חֶסֶד בַּעֲבוּר יְהוֹנָתָן אָבִיךָ וַהֲשִׁבֹתִי
לְךָ אֶת־כָּל־שְׂדֵה שָׁאוּל אָבִיךָ וְאַתָּה תֹּאכַל לֶחֶם עַל־
שֻׁלְחָנִי תָּמִיד׃ וַיִּשְׁתַּחוּ וַיֹּאמֶר מָה עַבְדֶּךָ כִּי פָנִיתָ אֶל־ ח

מיט הֲדַדעֶזֶרן, און אים געשלאָגן, וואָרום הֲדַדעֶזֶר האָט געהאַט מלחמות מיט תּוֹעִין; און ער האָט גע־בראַכט מיט זיך זילבערנע כּלים און גילדערנע כּלים און קופּערנע כּלים. [11] זיי אויך האָט דער מלך דוד גע־הייליקט צו גאָט, מיט דעם זילבער און דעם גאָלד וואָס ער האָט געהייליקט פון אַלע פעלקער וואָס ער האָט באַצוווּנגען: [12] פון אֲרָם, און פון מוֹאָב, און פון די קינדער פון עַמוֹן, און פון די פּלִשתּים, און פון עֲמָלֵק, און פון דעם רויב פון הֲדַדעֶזֶר דעם זון פון רחוֹבן, דעם מלך פון צוֹבָה.

[13] און דוד האָט זיך געמאַכט אַ שם, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פון שלאָגן אֲרָם אין טאָל פון זאַלץ—אַכצן טויזנט מאַן. [14] און ער האָט געשטעלט וואַכן אין אֶדוֹם; אין גאַנץ אֶדוֹם האָט ער געשטעלט וואַכן. און גאַנץ אֶדוֹם איז געוואָרן קנעכט צו דודן.

און גאָט האָט געהאָלפן דודן אומעטום ווו ער איז געגאַנגען. [15] און דוד האָט געקיניגט איבער גאַנץ ישׂראל. און דוד האָט געטאָן רעכט און גערעכטיקייט צו זיין גאַנצן פאָלק.

[16] און יוֹאָב דער זון פון צרוּיָהן איז געווען איבערן חיל; און יהוֹשָׁפָט דער זון פון אַחילוּדן, דער דערמאָנער; [17] און צָדוֹק דער זון פון אַחיטוּבן, און אַחימֶלֶך דער זון פון אֶביָתרן, כּהנים; און שׂרָיָה, דער שרייבער; [18] און בּנָיָהוּ דער זון פון יהוֹיָדָען, איבער די כּרֵתים און די פּלֵתים; און די זין פון דודן זיינען געווען אויבערלייט.

**ט** [1] און דוד האָט געזאָגט: איז נאָך ווער דאָ וואָס איז געבליבן פון שָׁאוּלס הויז, אַז איך זאָל קענען טאָן מיט אים חסד פון יהוֹנָתָנס וועגן?

[2] איז געווען פון שָׁאוּלס הויז אַ קנעכט וואָס זיין נאָמען איז געווען ציבָאָ; האָט מען אים גערופן צו דודן, און דער מלך האָט צו אים געזאָגט: ביסט דו ציבָאָ? האָט ער געזאָגט: דיין קנעכט! [3] האָט דער מלך געזאָגט: איז ניטאָ מער עמיצער פון שָׁאוּלס הויז, אַז איך זאָל קענען טאָן מיט אים אַ גאָטס חסד? האָט ציבָאָ געזאָגט צום מלך: פאַראַן נאָך אַ זון פון יהוֹנָתָנען, אַ לאָמער אויף די פיס. [4] האָט דער מלך צו אים געזאָגט: אַוווּ איז ער? האָט ציבָאָ געזאָגט צום מלך: זע, ער איז אין הויז פון מָכיר דעם זון פון עַמיאֵלן אין לוֹ־דבָר. [5] האָט דער מלך דוד געשיקט, און האָט אים צוגענומען פון דעם הויז פון מָכירן דעם זון פון עַמיאֵלן פון לוֹ־דבָר. [6] און מפיבוֹשֶׁת דער זון פון יהוֹנָתָן דעם זון פון שָׁאוּלן איז געקומען צו דודן, און ער איז געפאַלן אויף זיין פּנים, און האָט זיך געבוקט. האָט דוד געזאָגט: מפיבוֹשֶׁת! האָט ער געזאָגט: דאָ איז דיין קנעכט. [7] האָט דוד צו אים געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן, וואָרום טאָן וועל איך טאָן מיט דיר חסד פון דיין פאָטער יהוֹנָתָנס וועגן, און איך וועל דיר אומקערן דאָס גאַנצע פעלד פון דיין פאָטער שָׁאוּלן, און דו וועסט עסן ברויט ביי מיין טיש תּמיד. [8] האָט ער זיך געבוקט און האָט געזאָגט: וואָס

ט הַכֶּלֶב הַמֵּת אֲשֶׁר כָּמוֹנִי׃ וַיִּקְרָא הַמֶּלֶךְ אֶל־צִיבָא נַעַר
שָׁאוּל וַיֹּאמֶר אֵלָיו כֹּל אֲשֶׁר הָיָה לְשָׁאוּל וּלְכָל־בֵּיתוֹ נָתַתִּי
י לְבֶן־אֲדֹנֶיךָ׃ וְעָבַדְתָּ לּוֹ אֶת־הָאֲדָמָה אַתָּה וּבָנֶיךָ וַעֲבָדֶיךָ
וְהֵבֵאתָ וְהָיָה לְבֶן־אֲדֹנֶיךָ לֶּחֶם וַאֲכָלוֹ וּמְפִיבֹשֶׁת בֶּן
אֲדֹנֶיךָ יֹאכַל תָּמִיד לֶחֶם עַל־שֻׁלְחָנִי וּלְצִיבָא חֲמִשָּׁה עָשָׂר
יא בָּנִים וְעֶשְׂרִים עֲבָדִים׃ וַיֹּאמֶר צִיבָא אֶל־הַמֶּלֶךְ כְּכֹל אֲשֶׁר
יְצַוֶּה אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֶת־עַבְדּוֹ כֵּן יַעֲשֶׂה עַבְדֶּךָ וּמְפִיבֹשֶׁת
יב אֹכֵל עַל־שֻׁלְחָנִי כְּאַחַד מִבְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וְלִמְפִיבֹשֶׁת בֵּן־קָטָן
וּשְׁמוֹ מִיכָא וְכֹל מוֹשַׁב בֵּית־צִיבָא עֲבָדִים לִמְפִיבֹשֶׁת׃
יג וּמְפִיבֹשֶׁת יֹשֵׁב בִּירוּשָׁלַם כִּי עַל־שֻׁלְחַן הַמֶּלֶךְ תָּמִיד הוּא
אֹכֵל וְהוּא פִּסֵּחַ שְׁתֵּי רַגְלָיו׃

י

א וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַיָּמָת מֶלֶךְ בְּנֵי עַמּוֹן וַיִּמְלֹךְ חָנוּן בְּנוֹ
ב תַּחְתָּיו׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶעֱשֶׂה־חֶסֶד ׀ עִם־חָנוּן בֶּן־נָחָשׁ
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה אָבִיו עִמָּדִי חֶסֶד וַיִּשְׁלַח דָּוִד לְנַחֲמוֹ בְּיַד־
ג עֲבָדָיו אֶל־אָבִיו וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי דָוִד אֶרֶץ בְּנֵי עַמּוֹן׃ וַיֹּאמְרוּ
שָׂרֵי בְנֵי־עַמּוֹן אֶל־חָנוּן אֲדֹנֵיהֶם הַמְכַבֵּד דָּוִד אֶת־אָבִיךָ
בְּעֵינֶיךָ כִּי־שָׁלַח לְךָ מְנַחֲמִים הֲלוֹא בַּעֲבוּר חֲקוֹר אֶת־
הָעִיר וּלְרַגְּלָהּ וּלְהָפְכָהּ שָׁלַח דָּוִד אֶת־עֲבָדָיו אֵלֶיךָ׃
ד וַיִּקַּח חָנוּן אֶת־עַבְדֵי דָוִד וַיְגַלַּח אֶת־חֲצִי זְקָנָם וַיִּכְרֹת
ה אֶת־מַדְוֵיהֶם בַּחֵצִי עַד־שְׁתוֹתֵיהֶם וַיְשַׁלְּחֵם׃ וַיַּגִּדוּ לְדָוִד
וַיִּשְׁלַח לִקְרָאתָם כִּי־הָיוּ הָאֲנָשִׁים נִכְלָמִים מְאֹד וַיֹּאמֶר
ו הַמֶּלֶךְ שְׁבוּ בִירֵחוֹ עַד־יְצַמַּח זְקַנְכֶם וְשַׁבְתֶּם׃ וַיִּרְאוּ
בְּנֵי עַמּוֹן כִּי נִבְאֲשׁוּ בְּדָוִד וַיִּשְׁלְחוּ בְנֵי־עַמּוֹן וַיִּשְׂכְּרוּ
אֶת־אֲרַם בֵּית־רְחוֹב וְאֶת־אֲרַם צוֹבָא עֶשְׂרִים אֶלֶף רַגְלִי
וְאֶת־מֶלֶךְ מַעֲכָה אֶלֶף אִישׁ וְאִישׁ טוֹב שְׁנֵים־עָשָׂר אֶלֶף
ז אִישׁ׃ וַיִּשְׁמַע דָּוִד וַיִּשְׁלַח אֶת־יוֹאָב וְאֵת כָּל־הַצָּבָא

ט, יב׳ דכי בטרי

איז דיין קנעכט, אַז דו זאָלסט זיך אומקוקן אויף אַזאַ טויטן הונט ווי איך?

[9] און דער מלך האָט גערופֿן ציבאָן, שאָולס דינער, און האָט צו אים געזאָגט: אַלץ וואָס האָט געהערט צו שאָולן און צו זיין גאַנצן הויז, האָב איך אָפּגעגעבן צו דעם זון פֿון דיין האַר. [10] און וועסט באַאַרבעטן פֿאַר אים די ערד, דו און דיינע זין, און דיינע קנעכט, און וועסט אַריינברענגען די תּבֿואה, און עס וועט זיין פֿאַר דיין האַרס זון ברויט צום עסן; און מפֿיבֹשֶת דיין האַרס זון וועט עסן ברויט ביי מיין טיש תּמיד.—און ציבאָ האָט געהאַט פֿופֿצן זין און צוואַנציק קנעכט.—[11] האָט ציבאָ געזאָגט צום מלך: אַזוי ווי אַלץ וואָס מיין האַר דער מלך באַפֿעלט זיין קנעכט, אַזוי וועט דיין קנעכט טאָן. און מפֿיבֹשֶת—ער עסט אויך ביי מיין טיש אַזוי ווי איינער פֿון דעם מלכס זין.

[12] און מפֿיבֹשֶת האָט געהאַט אַ קליינעם זון וואָס זיין נאָמען איז געווען מיכאָ. און די גאַנצע באַוווינערשאַפֿט פֿון ציבאָס הויז איז געווען קנעכט צו מפֿיבֹשֶתן. [13] און מפֿיבֹשֶת איז געזעסן אין ירושָלַיִם, וואָרום ביים מלכס טיש האָט ער תּמיד געגעסן. און ער איז געווען אַ הינקעדיקער אויף זיינע ביידע פֿיס.

י [1] און עס איז געווען נאָך דעם, איז געשטאָרבן דער מלך פֿון די קינדער פֿון עַמון, און זיין זון חָנון איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט. [2] האָט דוד געזאָגט: לאָמיך טאָן אַ פֿריינטלעכקייט מיט חָנון דעם זון פֿון נָחָשן, אַזוי ווי זיין פֿאָטער האָט געטאָן אַ פֿריינטלעכקייט מיט מיר. און דוד האָט געשיקט דורך זיינע קנעכט אים צו טרייסטן נאָך זיין פֿאָטער. און דודס קנעכט זיינען געקומען אין לאַנד פֿון די קינדער פֿון עַמון.

[3] האָבן די האַרן פֿון די קינדער פֿון עַמון געזאָגט צו חָנון זייער האַר: צי מיינסטו אַז דוד וויל טאָן כּבֿוד דיין פֿאָטער, וואָס ער האָט געשיקט צו דיר טרייסטער? דאָך נאָר אויסצופֿאָרשן די שטאָט און זי אויסצוקוקן און זי דורכצונישטערן האָט דוד געשיקט זיינע קנעכט צו דיר.

[4] האָט חָנון גענומען דודס קנעכט און האָט זיי אָפּגעגאָלט אַ האַלבע באָרד, און אָפּגעשניטן זייערע קליידער אין העלפֿט, ביז זייער געזעס, און זיי אַוועקגעשיקט.

[5] האָט מען אָנגעזאָגט דודן, און ער האָט געשיקט זיי אַנטקעגן, וואָרום די מענטשן האָבן זיך זייער געשעמט. און דער מלך האָט געלאָזט זאָגן: זיצט אין ירֵיחו ביז אייער באָרד וועט אָפּוואַקסן, און איר וועט זיך אומקערן.

[6] האָבן די קינדער פֿון עַמון געזען אַז זיי האָבן זיך פֿאַרמיאוסט ביי דודן, און די קינדער פֿון עַמון האָבן געשיקט און געדונגען אֲרַם פֿון בית־רחוב, און אֲרַם פֿון צובאָ, צוואַנציק טויזנט פֿוסגייער, און דעם מלך פֿון מַעֲכָה מיט טויזנט מאַן, און די מענער פֿון טוב, צוועלף טויזנט מאַן.

[7] האָט דוד דערהערט, און ער האָט געשיקט יואָבן און דעם גאַנצן חיל, די גיבורים.

הַגִּבֹּרִים׃ וַיֵּצְאוּ בְּנֵי עַמּוֹן וַיַּעַרְכוּ מִלְחָמָה פֶּתַח הַשָּׁעַר ח
וַאֲרַם צוֹבָא וּרְחוֹב וְאִישׁ־טוֹב וּמַעֲכָה לְבַדָּם בַּשָּׂדֶה׃
וַיַּרְא יוֹאָב כִּי־הָיְתָה אֵלָיו פְּנֵי הַמִּלְחָמָה מִפָּנִים וּמֵאָחוֹר ט
וַיִּבְחַר מִכֹּל בְּחוּרֵי בְּיִשְׂרָאֵל וַיַּעֲרֹךְ לִקְרַאת אֲרָם׃ וְאֵת י
יֶתֶר הָעָם נָתַן בְּיַד אַבְשַׁי אָחִיו וַיַּעֲרֹךְ לִקְרַאת בְּנֵי עַמּוֹן׃
וַיֹּאמֶר אִם־תֶּחֱזַק אֲרָם מִמֶּנִּי וְהָיְתָה לִּי לִישׁוּעָה וְאִם־ יא
בְּנֵי עַמּוֹן יֶחֶזְקוּ מִמְּךָ וְהָלַכְתִּי לְהוֹשִׁיעַ לָךְ׃ חֲזַק וְנִתְחַזַּק יב
בְּעַד עַמֵּנוּ וּבְעַד עָרֵי אֱלֹהֵינוּ וַיהוָה יַעֲשֶׂה הַטּוֹב בְּעֵינָיו׃
וַיִּגַּשׁ יוֹאָב וְהָעָם אֲשֶׁר עִמּוֹ לַמִּלְחָמָה בַּאֲרָם וַיָּנֻסוּ יג
מִפָּנָיו׃ וּבְנֵי עַמּוֹן ׀ רָאוּ כִּי־נָס אֲרָם וַיָּנֻסוּ מִפְּנֵי אֲבִישַׁי יד
וַיָּבֹאוּ הָעִיר וַיָּשָׁב יוֹאָב מֵעַל בְּנֵי עַמּוֹן וַיָּבֹא יְרוּשָׁלָםִ׃
וַיַּרְא אֲרָם כִּי נִגַּף לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיֵּאָסְפוּ יָחַד׃ וַיִּשְׁלַח טו
הֲדַדְעֶזֶר וַיֹּצֵא אֶת־אֲרָם אֲשֶׁר מֵעֵבֶר הַנָּהָר וַיָּבֹאוּ טז
חֵילָם וְשׁוֹבַךְ שַׂר־צְבָא הֲדַדְעֶזֶר לִפְנֵיהֶם׃ וַיֻּגַּד לְדָוִד יז
וַיֶּאֱסֹף אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּעֲבֹר אֶת־הַיַּרְדֵּן וַיָּבֹא חֵלָאמָה
וַיַּעַרְכוּ אֲרָם לִקְרַאת דָּוִד וַיִּלָּחֲמוּ עִמּוֹ׃ וַיָּנָס אֲרָם יח
מִפְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּהֲרֹג דָּוִד מֵאֲרָם שְׁבַע מֵאוֹת רֶכֶב וְאַרְבָּעִים
אֶלֶף פָּרָשִׁים וְאֵת שׁוֹבַךְ שַׂר־צְבָאוֹ הִכָּה וַיָּמָת שָׁם׃
וַיִּרְאוּ כָל־הַמְּלָכִים עַבְדֵי הֲדַדְעֶזֶר כִּי נִגְּפוּ לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל יט
וַיַּשְׁלִמוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל וַיַּעַבְדוּם וַיִּרְאוּ אֲרָם לְהוֹשִׁיעַ עוֹד
אֶת־בְּנֵי עַמּוֹן׃

## יא

וַיְהִי לִתְשׁוּבַת הַשָּׁנָה לְעֵת ׀ צֵאת הַמַּלְאכִים וַיִּשְׁלַח א
דָּוִד אֶת־יוֹאָב וְאֶת־עֲבָדָיו עִמּוֹ וְאֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל וַיַּשְׁחִתוּ
אֶת־בְּנֵי עַמּוֹן וַיָּצֻרוּ עַל־רַבָּה וְדָוִד יוֹשֵׁב בִּירוּשָׁלָםִ׃
וַיְהִי ׀ לְעֵת הָעֶרֶב וַיָּקָם דָּוִד מֵעַל מִשְׁכָּבוֹ וַיִּתְהַלֵּךְ עַל־ ב
גַּג בֵּית־הַמֶּלֶךְ וַיַּרְא אִשָּׁה רֹחֶצֶת מֵעַל הַגָּג וְהָאִשָּׁה טוֹבַת

---

י, ט ישראל ק   יא׳ כצ״ל   יז׳ יתיר א׳   יא, א׳ יתיר א׳

[8] און די קינדער פון עַמון זיינען אַרויסגעגאַנגען, און האָבן אָנגעריכט אַ מלחמה, ביים אַיינגאַנג פון טויער; און אֲרָם פון צובאָ און רחוב, און די מענער פון טוב און פון מַעֲכָה, זיינען געווען באַזונדער אין פעלד. [9] און יואָב האָט געזען אַז דער פראָנט פון דער מלחמה איז קעגן אים פון פאָרנט און פון הינטן; האָט ער אויסגעקליבן פון אַלע געקליבענע פון ישראל, און אויסגעשטעלט אַקעגן אֲרָם. [10] און דאָס איבעריקע פאָלק האָט ער געגעבן אויף דער האַנט פון זיין ברודער אַבישַין, און אויסגעשטעלט אַקעגן די קינדער פון עַמון. [11] און ער האָט געזאָגט: אויב אֲרָם וועט זיין שטאַרקער פון מיר, וועסטו מיר זיין צו הילף, און אויב די קינדער פון עַמון וועלן זיין שטאַרקער פון דיר, וועל איך דיר גיין העלפן. [12] זיי שטאַרק, און לאָמיר זיך שטאַרקן, פאַר אונדזער פאָלק און פאַר די שטעט פון אונדזער גאָט; און זאָל יהוה טאָן וואָס איז גוט אין זיינע אויגן.

[13] און יואָב און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים האָבן גענענט אויף מלחמה קעגן אֲרָם, און זיי זיינען אַנטלאָפן פאַר אים. [14] און ווי די קינדער פון עַמון האָבן געזען אַז אֲרָם איז אַנטלאָפן, אַזוי זיינען זיי אַנטלאָפן פאַר אַבישַין, און זיינען אַריין אין שטאָט. און יואָב האָט זיך אומגעקערט פון די קינדער פון עַמון, און איז געקומען קיין ירושָלַים.

[15] און אֲרָם האָט געזען אַז ער איז געשלאָגן געוואָרן פאַר ישראל, און זיי האָבן זיך אַיינגעזאַמלט אין איינעם. [16] און הֲדַדעֶזֶר האָט געשיקט און אַרויסגעבראַכט אֲרָם וואָס פון יענער זייט טייך; און זיי זיינען געקומען קיין חֵילָם, מיט שוֹבָך דעם חיל-פירער פון הֲדַדעֶזֶרן זיי פאַרויס.

[17] איז אָנגעזאָגט געוואָרן דודן, און ער האָט אַיינגעזאַמלט גאַנץ ישראל, און איז אַריבער דעם יַרדן, און געקומען קיין חֵילָם. און אֲרָם האָט זיך אויסגעשטעלט אַקעגן דודן, און זיי האָבן מלחמה געהאַלטן מיט אים. [18] און אֲרָם איז אַנטלאָפן פאַר ישראל, און דוד האָט געהרגעט פון אֲרָם זיבן הונדערט אויף רייטוועגן, און פערציק טויזנט רייטער; און שוֹבָך זייער חיל-פירער האָט ער געשלאָגן, און ער איז דאָרטן געשטאָרבן.

[19] און אַלע מלכים, די קנעכט פון הֲדַדעֶזֶרן, האָבן געזען אַז זיי זיינען געשלאָגן געוואָרן פאַר ישראל, און זיי האָבן געמאַכט שלום מיט ישראל, און האָבן זיי געדינט. און אֲרָם האָט מורא געהאַט ווידער צו העלפן די קינדער פון עַמון.

## יא

[1] און עס איז געווען ביים אומקער פון יאָר, אין דער צייט וואָס די מלכים גייען אַרויס אויף מלחמה, האָט דוד געשיקט יואָבן און זיינע קנעכט מיט אים, און גאַנץ ישראל, און זיי האָבן פאַרוויסט די קינדער פון עַמון, און האָבן געלעגערט אויף רַבָּה. און דוד איז געזעסן אין ירושָלַים.

[2] און עס איז געווען קעגן אָוונטצייט, איז דוד אויפגעשטאַנען פון זיין געלעגער, און איז אַרומגעגאַנגען אויפן דאַך פון מלכס הויז, און האָט געזען פון דאַך אַ פרוי זיך באָדן; און די פרוי איז געווען זייער שיין פון אויסזען.

³ האָט דוד געשיקט און זיך נאָכגעפרעגט אויף דער פרוי, און מע האָט געזאָגט: דאָס איז דאָך בַּת־שֶׁבַע, די טאָכטער פון אֶליעָמען, די ווייב פון אוּרִיָה דעם חִתּי. ⁴ האָט דוד געשיקט שלוחים, און האָט זי געלאָזט ברענגען, און זי איז צו אים געקומען, און ער איז געלעגן מיט איר; און זי האָט זיך נאָרוואָס געהאַט גערייניקט פון איר אומ־ריינקייט. און זי האָט זיך אומגעקערט אין איר הויז.

⁵ און די פרוי איז טראָגעדיק געוואָרן, און זי האָט געשיקט און דערציילט דודן, און געזאָגט: איך בין טראָגעדיק.

⁶ האָט דוד געשיקט צו יוֹאָבן: שיק צו מיר אוּרִיָה דעם חִתּי. און יוֹאָב האָט געשיקט אוּרִיָהן צו דודן. ⁷ איז אוּרִיָה צו אים געקומען, און דוד האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף דעם פריד פון יוֹאָבן, און אויף דעם פריד פון פאָלק, און אויף דעם גאַנג פון דער מלחמה. ⁸ און דוד האָט גע־זאָגט צו אוּרִיָהן: נידער אַראָפּ צו דיין הויז, און וואַש דיינע פיס.

איז אוּרִיָה אַרויסגעגאַנגען פון מלכס הויז, און נאָך אים איז אַרויסגעגאַנגען אַ שפּייזגעשאַנק פון דעם מלך. ⁹ אָבער אוּרִיָה האָט זיך געלייגט ביים אַיינגאַנג פון מלכס הויז מיט אַלע קנעכט פון זיין האַר, און האָט ניט אַראָפּ־גענידערט צו זיין הויז.

¹⁰ האָט מען דערציילט דודן, אַזוי צו זאָגן: אוּרִיָה האָט ניט אַראָפּגענידערט צו זיין הויז. און דוד האָט גע־זאָגט צו אוּרִיָהן: דו קומסט דאָך פון וועג, פאַרוואָס האָסטו ניט אַראָפּגענידערט צו דיין הויז? ¹¹ האָט אוּרִיָה געזאָגט צו דודן: דער אָרון פון ישראל און יהודה זיצן איןביידלעך, און מיין האַר יוֹאָב און די קנעכט פון מיין האַר לאַגערן אויפן פרייען פעלד, און איך זאָל קומען אין מיין הויז צו עסן און צו טרינקען, און צו ליגן מיט מיין ווייב? אַזוי ווי דו לעבסט, און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אויב איך וועל טאָן דידאָזיקע זאַך! ¹² האָט דוד געזאָגט צו אוּרִיָהן: בלייב דאָ אויך היינט, און מאָרגן וועל איך דיך אַוועקשיקן.

איז אוּרִיָה געבליבן אין ירושָלַיִם יענעם טאָג און אויף מאָרגן. ¹³ און דוד האָט אים גערופן, און ער האָט געגעסן ביי אים און געטרונקען; און ער האָט אים אָנגעשיכּורט. אָבער אין אָוונט איז ער אַרויסגעגאַנגען זיך לייגן אויף זיין גע־לעגער מיט די קנעכט פון זיין האַר, און צו זיין הויז האָט ער ניט אַראָפּגענידערט.

¹⁴ און עס איז געווען אין דער פרי, האָט דוד געשריבן אַ בריוו צו יוֹאָבן, און געשיקט דורך דער האַנט פון אוּרִיָהן. ¹⁵ און ער האָט געשריבן אין דעם בריוו אַזוי צו זאָגן: שטעלט אוּרִיָהן אַקעגן דעם פראָנט פון דער שטאַרקסטער מלחמה, און קערט אייך אָפּ פון הינטער אים, כּדי ער זאָל געשלאָגן ווערן און שטאַרבן.

¹⁶ און עס איז געווען, אַז יוֹאָב האָט געוואַכט אויף דער שטאָט, האָט ער אַוועקגעשטעלט אוּרִיָהן אויף דעם אָרט וואָס ער האָט געוווסט אַז דאָרטן זיינען דאָ העלדישע לייט. ¹⁷ און די מענער פון שטאָט זיינען אַרויסגעגאַנגען, און האָבן מלחמה געהאַלטן מיט יוֹאָבן, און עס זיינען געפאַלן פון דעם פאָלק, פון דודס קנעכט, און אויך אוּרִיָה דער חִתּי איז אומגעקומען.

¹⁸ און יוֹאָב האָט געשיקט און דערציילט דודן אַלע געשעענישן פון דער מלחמה. ¹⁹ און ער האָט באַפוילן

ג מַרְאֶה מְאֹד׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד וַיִּדְרֹשׁ לָאִשָּׁה וַיֹּאמֶר הֲלוֹא־
ד זֹאת בַּת־שֶׁבַע בַּת־אֱלִיעָם אֵשֶׁת אוּרִיָּה הַחִתִּי׃ וַיִּשְׁלַח
דָּוִד מַלְאָכִים וַיִּקָּחֶהָ וַתָּבוֹא אֵלָיו וַיִּשְׁכַּב עִמָּהּ וְהִיא
ה מִתְקַדֶּשֶׁת מִטֻּמְאָתָהּ וַתָּשָׁב אֶל־בֵּיתָהּ׃ וַתַּהַר הָאִשָּׁה
ו וַתִּשְׁלַח וַתַּגֵּד לְדָוִד וַתֹּאמֶר הָרָה אָנֹכִי׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד אֶל־
יוֹאָב שְׁלַח אֵלַי אֶת־אוּרִיָּה הַחִתִּי וַיִּשְׁלַח יוֹאָב אֶת־אוּרִיָּה
ז אֶל־דָּוִד׃ וַיָּבֹא אוּרִיָּה אֵלָיו וַיִּשְׁאַל דָּוִד לִשְׁלוֹם יוֹאָב
ח וְלִשְׁלוֹם הָעָם וְלִשְׁלוֹם הַמִּלְחָמָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד לְאוּרִיָּה
רֵד לְבֵיתְךָ וּרְחַץ רַגְלֶיךָ וַיֵּצֵא אוּרִיָּה מִבֵּית הַמֶּלֶךְ וַתֵּצֵא
ט אַחֲרָיו מַשְׂאַת הַמֶּלֶךְ׃ וַיִּשְׁכַּב אוּרִיָּה פֶּתַח בֵּית הַמֶּלֶךְ
י אֵת כָּל־עַבְדֵי אֲדֹנָיו וְלֹא יָרַד אֶל־בֵּיתוֹ׃ וַיַּגִּדוּ לְדָוִד
לֵאמֹר לֹא־יָרַד אוּרִיָּה אֶל־בֵּיתוֹ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אוּרִיָּה
יא הֲלוֹא מִדֶּרֶךְ אַתָּה בָא מַדּוּעַ לֹא־יָרַדְתָּ אֶל־בֵּיתֶךָ׃ וַיֹּאמֶר
אוּרִיָּה אֶל־דָּוִד הָאָרוֹן וְיִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה יֹשְׁבִים בַּסֻּכּוֹת
וַאדֹנִי יוֹאָב וְעַבְדֵי אֲדֹנִי עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה חֹנִים וַאֲנִי אָבוֹא
אֶל־בֵּיתִי לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְלִשְׁכַּב עִם־אִשְׁתִּי חַיֶּךָ וְחֵי
יב נַפְשֶׁךָ אִם־אֶעֱשֶׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־
אוּרִיָּה שֵׁב בָּזֶה גַּם־הַיּוֹם וּמָחָר אֲשַׁלְּחֶךָּ וַיֵּשֶׁב אוּרִיָּה
יג בִּירוּשָׁלִַם בַּיּוֹם הַהוּא וּמִמָּחֳרָת׃ וַיִּקְרָא־לוֹ דָוִד וַיֹּאכַל
לְפָנָיו וַיֵּשְׁתְּ וַיְשַׁכְּרֵהוּ וַיֵּצֵא בָעֶרֶב לִשְׁכַּב בְּמִשְׁכָּבוֹ עִם־
יד עַבְדֵי אֲדֹנָיו וְאֶל־בֵּיתוֹ לֹא יָרָד׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר וַיִּכְתֹּב דָּוִד סֵפֶר
טו אֶל־יוֹאָב וַיִּשְׁלַח בְּיַד אוּרִיָּה׃ וַיִּכְתֹּב בַּסֵּפֶר לֵאמֹר הָבוּ
אֶת־אוּרִיָּה אֶל־מוּל פְּנֵי הַמִּלְחָמָה הַחֲזָקָה וְשַׁבְתֶּם מֵאַחֲרָיו
טז וְנִכָּה וָמֵת׃ וַיְהִי בִּשְׁמוֹר יוֹאָב אֶל־הָעִיר וַיִּתֵּן אֶת־אוּרִיָּה
יז אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר יָדַע כִּי אַנְשֵׁי־חַיִל שָׁם׃ וַיֵּצְאוּ אַנְשֵׁי
הָעִיר וַיִּלָּחֲמוּ אֶת־יוֹאָב וַיִּפֹּל מִן־הָעָם מֵעַבְדֵי דָוִד וַיָּמָת
יח גַּם אוּרִיָּה הַחִתִּי׃ וַיִּשְׁלַח יוֹאָב וַיַּגֵּד לְדָוִד אֶת־כָּל־דִּבְרֵי

יא׳ חסר

הַמִּלְחָמָה׃ וַיְצַו אֶת־הַמַּלְאָךְ לֵאמֹר כְּכַלּוֹתְךָ אֵת כָּל־ יט
דִּבְרֵי הַמִּלְחָמָה לְדַבֵּר אֶל־הַמֶּלֶךְ׃ וְהָיָה אִם־תַּעֲלֶה כ
חֲמַת הַמֶּלֶךְ וְאָמַר לְךָ מַדּוּעַ נִגַּשְׁתֶּם אֶל־הָעִיר לְהִלָּחֵם
הֲלוֹא יְדַעְתֶּם אֵת אֲשֶׁר־יֹרוּ מֵעַל הַחוֹמָה׃ מִי־הִכָּה אֶת־ כא
אֲבִימֶלֶךְ בֶּן־יְרֻבֶּשֶׁת הֲלוֹא אִשָּׁה הִשְׁלִיכָה עָלָיו פֶּלַח
רֶכֶב מֵעַל הַחוֹמָה וַיָּמָת בְּתֵבֵץ לָמָּה נִגַּשְׁתֶּם אֶל־הַחוֹמָה
וְאָמַרְתָּ גַּם עַבְדְּךָ אוּרִיָּה הַחִתִּי מֵת׃ וַיֵּלֶךְ הַמַּלְאָךְ וַיָּבֹא כב
וַיַּגֵּד לְדָוִד אֵת כָּל־אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ יוֹאָב׃ וַיֹּאמֶר הַמַּלְאָךְ אֶל־ כג
דָּוִד כִּי־גָבְרוּ עָלֵינוּ הָאֲנָשִׁים וַיֵּצְאוּ אֵלֵינוּ הַשָּׂדֶה וַנִּהְיֶה
עֲלֵיהֶם עַד־פֶּתַח הַשָּׁעַר׃ וַיֹּראוּ הַמּוֹרְאִים אֶל־עֲבָדֶיךָ כד
מֵעַל הַחוֹמָה וַיָּמוּתוּ מֵעַבְדֵי הַמֶּלֶךְ וְגַם עַבְדְּךָ אוּרִיָּה
הַחִתִּי מֵת׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַמַּלְאָךְ כֹּה־תֹאמַר אֶל־יוֹאָב כה
אַל־יֵרַע בְּעֵינֶיךָ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה כִּי־כָזֹה וְכָזֶה תֹּאכַל
הֶחָרֶב הַחֲזֵק מִלְחַמְתְּךָ אֶל־הָעִיר וְהָרְסָהּ וְחַזְּקֵהוּ׃
וַתִּשְׁמַע אֵשֶׁת אוּרִיָּה כִּי־מֵת אוּרִיָּה אִישָׁהּ וַתִּסְפֹּד עַל־ כו
בַּעְלָהּ׃ וַיַּעֲבֹר הָאֵבֶל וַיִּשְׁלַח דָּוִד וַיַּאַסְפָהּ אֶל־בֵּיתוֹ כז
וַתְּהִי־לוֹ לְאִשָּׁה וַתֵּלֶד לוֹ בֵּן וַיֵּרַע הַדָּבָר אֲשֶׁר־עָשָׂה דָוִד
בְּעֵינֵי יְהוָה׃

יב

וַיִּשְׁלַח יְהוָה אֶת־נָתָן אֶל־דָּוִד וַיָּבֹא אֵלָיו וַיֹּאמֶר לוֹ שְׁנֵי א
אֲנָשִׁים הָיוּ בְּעִיר אֶחָת אֶחָד עָשִׁיר וְאֶחָד רָאשׁ׃ לְעָשִׁיר ב
הָיָה צֹאן וּבָקָר הַרְבֵּה מְאֹד׃ וְלָרָשׁ אֵין־כֹּל כִּי אִם־ ג
כִּבְשָׂה אַחַת קְטַנָּה אֲשֶׁר קָנָה וַיְחַיֶּהָ וַתִּגְדַּל עִמּוֹ וְעִם־
בָּנָיו יַחְדָּו מִפִּתּוֹ תֹאכַל וּמִכֹּסוֹ תִשְׁתֶּה וּבְחֵיקוֹ תִשְׁכָּב
וַתְּהִי־לוֹ כְּבַת׃ וַיָּבֹא הֵלֶךְ לְאִישׁ הֶעָשִׁיר וַיַּחְמֹל לָקַחַת ד
מִצֹּאנוֹ וּמִבְּקָרוֹ לַעֲשׂוֹת לָאֹרֵחַ הַבָּא לוֹ וַיִּקַּח אֶת־כִּבְשַׂת
הָאִישׁ הָרָאשׁ וַיַּעֲשֶׂהָ לָאִישׁ הַבָּא אֵלָיו׃ וַיִּחַר־אַף דָּוִד ה

---

יא, כד׳ יתיר א   יתיר א   יב, א׳ יתיר א   ג׳ קמץ בזק   ד׳ יתיר א

דעם שליח אַזוי צו זאָגן: אַז דו ענדיקסט דערציילן דעם מלך אַלע געשעענישן פֿון דער מלחמה, [20] איז, אויב דער גרימצאָרן פֿון דעם מלך וועט אויפֿגיין, און ער וועט זאָגן צו דיר: נאָך וואָס האָט איר גענענט צו דער שטאָט מלחמה צו האַלטן? האָט איר ניט געוווּסט אַז זיי וועלן שיסן פֿון דער מויער? [21] ווער האָט דערשלאָגן אַבימֶלֶך דעם זון פֿון ירובֶּשֶׁתן? האָט ניט אַ פֿרוי אַראָפּגעוואָרפֿן אויף אים אַן אויבערשטן מילשטיין פֿון דער מויער[א], און ער איז געשטאָרבן אין תֵּבֵץ? נאָך וואָס האָט איר גענענט צו דער מויער?—זאָלסטו זאָגן: אויך דיין קנעכט אוּרִיָּה דער חִתּי איז אומגעקומען.

[22] איז געגאַנגען דער שליח, און ער איז געקומען און האָט דערציילט דודן אַלץ וועגן וואָס יואָב האָט אים געשיקט. [23] און דער שליח האָט געזאָגט צו דודן: יאָ, די מענטשן זיינען געווען שטאַרקער פֿון אונדז, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען צו אונדז אין פֿעלד, און מיר האָבן זיך געלאָזט אויף זיי ביזן אַיינגאַנג פֿון טויער. [24] און די שיסערס האָבן געשאָסן אויף דיינע קנעכט פֿון דער מויער, און עס זיינען אומגעקומען פֿון דעם מלכס קנעכט, און אויך דיין קנעכט אוּרִיָּה דער חִתּי איז אומגעקומען.

[25] האָט דוד געזאָגט צום שליח: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו יואָבן: „זאָל ניט זיין פֿאַרדראָסיק אין דיינע אויגן די דאָזיקע זאַך, וואָרום די שווערד פֿאַרצערט, אַזוי צי אַזוי; האַלט אָן דיין מלחמה אַקעגן דער שטאָט, און צעשטער זי"; און שטאַרק אים.

[26] און די ווייב פֿון אוּרִיָּה דעם חִתּי האָט געהערט אַז איר מאַן אוּרִיָּה איז טויט, און זי האָט געקלאָגט אויף איר מאַן. [27] און ווי די אַבֵלות איז אַריבער, אַזוי האָט דוד געשיקט און האָט זי אַריינגענומען אין זיין הויז, און זי איז אים געוואָרן פֿאַר אַ ווייב. און זי האָט אים געבאָרן אַ זון.

און די זאַך וואָס דוד האָט געטאָן, איז געווען שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט.

# יב

[1] און גאָט האָט געשיקט נָתָנען צו דודן, און ער איז צו אים געקומען, און האָט צו אים געזאָגט: צוויי מענטשן זיינען געווען אין איין שטאָט: איינער אַן עושר און איינער אַן אָרימאַן. [2]ביים עושר זיינען געווען שאָף און רינדער זייער פֿיל, [3] און ביים אָרימאַן איז גאָרנישט געווען אַחוץ איין קליין שעפּעלע, וואָס ער האָט געקויפֿט און עס אויפֿגעהאָדעוועט, און עס איז אויפֿגעוואַקסן אין איינעם מיט אים און מיט זיינע קינדער. פֿון זיין ביסן פֿלעגט עס עסן, און פֿון זיין בעכער פֿלעגט עס טרינקען, און אין זיין בוזעם פֿלעגט עס ליגן, און עס איז אים געווען ווי אַ טאָכטער. [4] איז געקומען אַ דורכגייער צו דעם מאַן דעם עושר, און אים איז געווען אַ שאָד צו נעמען פֿון זיינע שאָף און פֿון זיינע רינדער, אויף צו מאַכן פֿאַר דעם אורח וואָס איז צו אים געקומען, האָט ער גענומען דאָס שעפּעלע פֿון דעם אָרימאַן, און האָט עס געמאַכט פֿאַר דעם מאַן וואָס איז צו אים געקומען.

[5] האָט דער צאָרן פֿון דודן שטאַרק געגרימט אויף דעם מאַן, און ער האָט געזאָגט צו נָתָנען: אַזוי ווי

[א] זע שופֿטים ט, 53.

גאָט לעבט, אַז טויט קומט דעם מאַן וואָס טוט דאָס־
דאָזיקע! 6 און פאַר דעם שעפּעלע דאַרף ער באַצאָלן
פירפאַכיק, דערפאַר וואָס ער האָט געטאָן דידאָזיקע
זאַך, און פאַרוואָס ער האָט ניט רחמנות געהאַט.

7 האָט נָתָן געזאָגט צו דודן: דו ביסט דער מאַן!
אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל: איך האָב
דיך געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער ישׂראל, און איך האָב
דיך מציל געווען פון שָאולס האַנט; 8 און איך האָב דיר
געגעבן דאָס הויז פון דיין האַר, און די ווייבער פון דיין
האַר אין דיין בוזעם, און האָב דיר געגעבן דאָס הויז פון
ישׂראל און יהודה. און אויב דאָס איז ווינציק, וועל איך
דיר צולייגן נאָך און נאָך אַמאָל אַזוי פיל. 9 פאַרוואָס
האָסטו פאַראַכט דאָס וואָרט פון גאָט, צו טאָן וואָס איז
שלעכט אין מיינע אויגן? אוּרִיָה דעם חִתּי האָסטו דער־
שלאָגן מיטן שווערד, און זיין ווייב האָסטו דיר צוגענומען
פאַר אַ ווייב; און האָסט אים געהרגעט דורך דער שווערד
פון די קינדער פון עַמוֹן. 10 און אַצונד, זאָל זיך אויף
אייביק ניט אָפּטאָן אַ שווערד פון דיין הויז דערפאַר וואָס
דו האָסט מיך פאַראַכט, און האָסט גענומען די ווייב פון
אוּרִיָה דעם חִתּי דיר צו זיין פאַר אַ ווייב. 11 אַזוי האָט
גאָט געזאָגט: זע, איך שטעל־אויף אויף דיר אַן אומגליק
פון דיין הויז, און איך וועל נעמען דיינע ווייבער פאַר
דיינע אויגן, און זיי געבן צו אַן אַנדערן, און ער וועט ליגן
מיט דיינע ווייבער פאַר די אויגן פון דערדאָזיקער זון.
12 וואָרום דו האָסט געטאָן אין פאַרבאָרגעניש, און איך
וועל טאָן דידאָזיקע זאַך פאַר גאַנץ ישׂראל, און פאַר דער זון.

13 האָט דוד געזאָגט צו נָתָנען: איך האָב געזינדיקט צו גאָט. האָט נָתָן געזאָגט: גאָט האָט אויך אָפּגעטאָן דיין זינד;
וועסט ניט שטאַרבן. 14 אָבער וויל לעסטערן האָסטו געלעסטערט די פיינט פון גאָט* מיט דערדאָזיקער זאַך, וועט אויך
דאָס קינד וואָס איז דיר געבאָרן געוואָרן, זיכער שטאַרבן.

און נָתָן איז אַוועקגעגאַנגען צו זיין הויז.

15 און גאָט האָט געפּלאָגט דאָס קינד וואָס אוּרִיָהס ווייב האָט געבאָרן דודן, און ער איז געוואָרן חָרב. 16 האָט דוד
געבעטן גאָט פאַר דעם יִינגל, און דוד האָט געפאַסט אַ פאַסטונג, און אַז ער פלעגט אַהיים קומען, פלעגט ער נעכטיקן
ליגנדיק אויף דער ערד. 17 זיינען צוגעשטאַנען צו אים אַלע עלטסטע פון זיין הויז, אים צו מאַכן אויפשטיין פון דער
ערד, אָבער ער האָט ניט געוואָלט, און ער האָט ניט געגעסן מיט זיי קיין ברויט.

18 און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג, איז דאָס קינד געשטאָרבן, און דודס קנעכט האָבן מורא געהאַט אים אויס־
צוזאָגן אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן; וואָרום זיי האָבן געזאָגט: זע, אַז דאָס קינד האָט געלעבט, האָבן מיר צו אים גער־
רעדט, און ער האָט ניט צוגעהערט צו אונדזער קָול, היינט ווי וועלן מיר זאָגן צו אים: דאָס קינד איז געשטאָרבן? ער
וועט זיך נאָך אָנטאָן עפּעס בייז.

בָּאִישׁ מְאֹד וַיֹּאמֶר אֶל־נָתָן חַי־יְהוָה כִּי בֶן־מָוֶת הָאִישׁ
ו הָעֹשֶׂה זֹאת׃ וְאֶת־הַכִּבְשָׂה יְשַׁלֵּם אַרְבַּעְתָּיִם עֵקֶב אֲשֶׁר
ז עָשָׂה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וְעַל אֲשֶׁר לֹא־חָמָל׃ וַיֹּאמֶר
נָתָן אֶל־דָּוִד אַתָּה הָאִישׁ כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
אָנֹכִי מְשַׁחְתִּיךָ לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל וְאָנֹכִי הִצַּלְתִּיךָ מִיַּד
ח שָׁאוּל׃ וָאֶתְּנָה לְךָ אֶת־בֵּית אֲדֹנֶיךָ וְאֶת־נְשֵׁי אֲדֹנֶיךָ בְּחֵיקֶךָ
וָאֶתְּנָה לְךָ אֶת־בֵּית יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה וְאִם־מְעָט וְאֹסִפָה
ט לְּךָ כָּהֵנָּה וְכָהֵנָּה׃ מַדּוּעַ בָּזִיתָ ׀ אֶת־דְּבַר יְהוָה לַעֲשׂוֹת
הָרַע בְּעֵינוֹ אֵת אוּרִיָּה הַחִתִּי הִכִּיתָ בַחֶרֶב וְאֶת־אִשְׁתּוֹ
י לָקַחְתָּ לְּךָ לְאִשָּׁה וְאֹתוֹ הָרַגְתָּ בְּחֶרֶב בְּנֵי עַמּוֹן׃ וְעַתָּה
לֹא־תָסוּר חֶרֶב מִבֵּיתְךָ עַד־עוֹלָם עֵקֶב כִּי בְזִתָנִי וַתִּקַּח
יא אֶת־אֵשֶׁת אוּרִיָּה הַחִתִּי לִהְיוֹת לְךָ לְאִשָּׁה׃ כֹּה ׀
אָמַר יְהוָה הִנְנִי מֵקִים עָלֶיךָ רָעָה מִבֵּיתֶךָ וְלָקַחְתִּי אֶת־
נָשֶׁיךָ לְעֵינֶיךָ וְנָתַתִּי לְרֵעֶיךָ וְשָׁכַב עִם־נָשֶׁיךָ לְעֵינֵי
יב הַשֶּׁמֶשׁ הַזֹּאת׃ כִּי אַתָּה עָשִׂיתָ בַסָּתֶר וַאֲנִי אֶעֱשֶׂה אֶת־
יג הַדָּבָר הַזֶּה נֶגֶד כָּל־יִשְׂרָאֵל וְנֶגֶד הַשָּׁמֶשׁ׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־נָתָן חָטָאתִי לַיהוָה וַיֹּאמֶר נָתָן אֶל־
יד דָּוִד גַּם־יְהוָה הֶעֱבִיר חַטָּאתְךָ לֹא תָמוּת׃ אֶפֶס כִּי־נִאֵץ
נִאַצְתָּ אֶת־אֹיְבֵי יְהוָה בַּדָּבָר הַזֶּה גַּם הַבֵּן הַיִּלּוֹד לְךָ
טו מוֹת יָמוּת׃ וַיֵּלֶךְ נָתָן אֶל־בֵּיתוֹ וַיִּגֹּף יְהוָה אֶת־הַיֶּלֶד
טז אֲשֶׁר יָלְדָה אֵשֶׁת־אוּרִיָּה לְדָוִד וַיֵּאָנַשׁ׃ וַיְבַקֵּשׁ דָּוִד אֶת־
הָאֱלֹהִים בְּעַד הַנָּעַר וַיָּצָם דָּוִד צוֹם וּבָא וְלָן וְשָׁכַב
יז אָרְצָה׃ וַיָּקֻמוּ זִקְנֵי בֵיתוֹ עָלָיו לַהֲקִימוֹ מִן־הָאָרֶץ וְלֹא
יח אָבָה וְלֹא־בָרָא אִתָּם לָחֶם׃ וַיְהִי בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וַיָּמָת
הַיָּלֶד וַיִּרְאוּ עַבְדֵי דָוִד לְהַגִּיד לוֹ ׀ כִּי־מֵת הַיֶּלֶד כִּי
אָמְרוּ הִנֵּה בִהְיוֹת הַיֶּלֶד חַי דִּבַּרְנוּ אֵלָיו וְלֹא־שָׁמַע
יט בְּקוֹלֵנוּ וְאֵיךְ נֹאמַר אֵלָיו מֵת הַיֶּלֶד וְעָשָׂה רָעָה׃ וַיַּרְא

ח׳ קמץ בז״ק ט׳ בעיני ק׳ יג׳ פסקא באמצע פסוק טו׳ הי׳ בפתח

* פאַרשטעלטער אויסדרוק פאַר גאָט אַליין.

דוד כי עבדיו מתלחשים ויבן דוד כי מת הילד ויאמר
כ דוד אל־עבדיו המת הילד ויאמרו מת׃ ויקם דוד
מהארץ וירחץ ויסך ויחלף שמלתו ויבא בית־יהוה
וישתחו ויבא אל־ביתו וישאל וישימו לו לחם ויאכל׃
כא ויאמרו עבדיו אליו מה הדבר הזה אשר עשיתה
בעבור הילד חי צמת ותבך וכאשר מת הילד קמת
כב ותאכל לחם׃ ויאמר בעוד הילד חי צמתי ואבכה
כג כי אמרתי מי יודע יחנני יהוה וחי הילד׃ ועתה ׀ מת
למה זה אני צם האוכל להשיבו עוד אני הלך אליו
כד והוא לא־ישוב אלי׃ וינחם דוד את בת־שבע אשתו
ויבא אליה וישכב עמה ותלד בן ויקרא את־שמו
כה שלמה ויהוה אהבו׃ וישלח ביד נתן הנביא ויקרא
כו את־שמו ידידיה בעבור יהוה׃ וילחם יואב ברבת
כז בני עמון וילכד את־עיר המלוכה׃ וישלח יואב
מלאכים אל־דוד ויאמר נלחמתי ברבה גם־לכדתי
כח את־עיר המים׃ ועתה אסף את־יתר העם וחנה על־
העיר ולכדה פן־אלכד אני את־העיר ונקרא שמי עליה׃
כט ויאסף דוד את־כל־העם וילך רבתה וילחם בה וילכדה׃
ל ויקח את־עטרת מלכם מעל ראשו ומשקלה ככר
זהב ואבן יקרה ותהי על־ראש דוד ושלל העיר הוציא
לא הרבה מאד׃ ואת־העם אשר־בה הוציא וישם במגרה
ובחרצי הברזל ובמגזרת הברזל והעביר אותם במלכן
וכן יעשה לכל ערי בני־עמון וישב דוד וכל־העם
ירושלם׃

יג

א ויהי אחרי־כן ולאבשלום בן־דוד אחות יפה ושמה
ב תמר ויאהבה אמנון בן־דוד׃ ויצר לאמנון להתחלות

יב, כ׳ שמלתיו קרי  כב׳ וחנני קרי  כד׳ ותקרא קרי  ל׳ סבירין מלכה
לא׳ במלבן קרי

19 האָט דוד געזען אַז זיינע קנעכט שושקען זיך, און דוד האָט פאַרשטאַנען אַז דאָס קינד איז געשטאָרבן, און דוד האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: איז דאָס קינד גע־שטאָרבן? האָבן זיי געזאָגט: געשטאָרבן.

20 איז דוד אויפגעשטאַנען פון דער ערד, און ער האָט זיך געוואַשן און געזאַלבט, און איבערגעביטן זיינע קליידער; און ער איז געקומען אין גאָטס הויז, און האָט זיך געבוקט. און ער איז געקומען אין זיין הויז, און האָט געבעטן, און מע האָט געלייגט פאַר אים ברויט, און ער האָט געגעסן.

21 האָבן זיינע קנעכט צו אים געזאָגט: וואָס איז די־דאָזיקע זאַך וואָס דו האָסט געטאָן? פון וועגן דעם קינד, אַז עס האָט געלעבט, האָסטו געפאַסט און געוויינט, און ווי דאָס קינד איז געשטאָרבן, ביסטו אויפגעשטאַנען און האָסט געגעסן ברויט? 22 האָט ער געזאָגט: אַז דאָס קינד האָט נאָך געלעבט האָב איך געפאַסט און געוויינט, ווייל איך האָב געקלערט: ווער ווייס, גאָט קען מיך לייט־זעליקן, און דאָס קינד וועט בלייבן לעבן. 23 אַצונד אָבער אַז ער איז געשטאָרבן, נאָך וואָס זאָל איך פאַסטן? צי קען איך אים ווידער אומקערן? איך גיי צו אים, אָבער ער וועט זיך ניט אומקערן צו מיר.

24 און דוד האָט געטרייסט זיין ווייב בַּת־שֶׁבַע, און ער איז געקומען צו איר, און איז געלעגן מיט איר. און זי האָט געבאָרן אַ זון, און ער האָט גערופן זיין נאָמען שלמה, און גאָט האָט אים ליב געהאַט. 25 און ער האָט געשיקט דורך נָתָן דעם נביא, און האָט גערופן זיין נאָמען ידידיָה[א] פון וועגן גאָט.

26 און יוֹאָב האָט מלחמה געהאַלטן אויף רַבָּה פון די קינדער פון עַמון, און ער האָט באַצוווּנגען די מלוכה־שטאָט. 27 און יוֹאָב האָט געשיקט שלוחים צו דודן, און האָט געזאָגט: איך האָב מלחמה געהאַלטן אויף רַבָּה, אויך האָב איך באַצוווּנגען די וואַסערשטאָט. 28 און אַצונד, זאַמל איין דאָס איבעריקע פאָלק, און לעגער אויף דער שטאָט, און באַ־צווינג זי; אַזיסט וועל איך באַצווינגען די שטאָט, און מיין נאָמען וועט גערופן ווערן אויף איר.

29 האָט דוד איינגעזאַמלט דאָס גאַנצע פאָלק, און ער איז געגאַנגען קיין רַבָּה, און האָט מלחמה געהאַלטן אויף איר, און האָט זי באַצוווּנגען. 30 און ער האָט אַראָפּגענומען מַלכָּמס קרוין פון זיין קאָפּ; און איר וואָג איז געווען אַ צענטנער גאָלד, דערצו טייער געשטיין; און זי איז אָנגעטאָן געוואָרן אויף דודס קאָפּ. און רויב פון דער שטאָט האָט ער אַרויס־געפירט זייער פיל. 31 און דאָס פאָלק וואָס אין איר האָט ער אַרויסגעפירט, און געלייגט אונטער זעגן, און אונטער אייזערנע דרעששליטנס, און אונטער אייזערנע העק, און האָט זיי געמאַכט דורכגיין דורך ציגלאויוונס. און אַזוי פלעגט ער טאָן צו אַלע שטעט פון די קינדער פון עַמון.

און דוד און דאָס גאַנצע פאָלק האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושָלַיִם.

יג

1 און עס איז געווען נאָך דעם: אַבשָלום דער זון פון דודן האָט געהאַט אַ שיינע שוועסטער וואָס איר נאָמען איז געווען תָּמָר, און אַמנון דער זון פון דודן האָט זי ליב געקריגן. 2 און אַמנון האָט זיך געקלעמט ביז צום קראַנק ווערן,

[א] באַליבטער פון גאָט.

בַּעֲבוּר תָּמָר אֲחֹתוֹ כִּי בְתוּלָה הִיא וַיִּפָּלֵא בְּעֵינֵי אַמְנוֹן
ג לַעֲשׂוֹת לָהּ מְאוּמָה׃ וּלְאַמְנוֹן רֵעַ וּשְׁמוֹ יוֹנָדָב בֶּן־שִׁמְעָה
ד אֲחִי דָוִד וְיוֹנָדָב אִישׁ חָכָם מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר לוֹ מַדּוּעַ אַתָּה
כָּכָה דַּל בֶּן־הַמֶּלֶךְ בַּבֹּקֶר בַּבֹּקֶר הֲלוֹא תַּגִּיד לִי וַיֹּאמֶר
ה לוֹ אַמְנוֹן אֶת־תָּמָר אֲחוֹת אַבְשָׁלֹם אָחִי אֲנִי אֹהֵב׃ וַיֹּאמֶר
לוֹ יְהוֹנָדָב שְׁכַב עַל־מִשְׁכָּבְךָ וְהִתְחָל וּבָא אָבִיךָ לִרְאוֹתֶךָ
וְאָמַרְתָּ אֵלָיו תָּבֹא נָא תָמָר אֲחוֹתִי וְתַבְרֵנִי לֶחֶם וְעָשְׂתָה
לְעֵינַי אֶת־הַבִּרְיָה לְמַעַן אֲשֶׁר אֶרְאֶה וְאָכַלְתִּי מִיָּדָהּ׃
ו וַיִּשְׁכַּב אַמְנוֹן וַיִּתְחָל וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ לִרְאֹתוֹ וַיֹּאמֶר אַמְנוֹן
אֶל־הַמֶּלֶךְ תָּבוֹא־נָא תָּמָר אֲחֹתִי וּתְלַבֵּב לְעֵינַי שְׁתֵּי
ז לְבִבוֹת וְאֶבְרֶה מִיָּדָהּ׃ וַיִּשְׁלַח דָּוִד אֶל־תָּמָר הַבַּיְתָה
ח לֵאמֹר לְכִי נָא בֵּית אַמְנוֹן אָחִיךְ וַעֲשִׂי־לוֹ הַבִּרְיָה׃ וַתֵּלֶךְ
תָּמָר בֵּית אַמְנוֹן אָחִיהָ וְהוּא שֹׁכֵב וַתִּקַּח אֶת־הַבָּצֵק
ט וַתָּלָשׁ וַתְּלַבֵּב לְעֵינָיו וַתְּבַשֵּׁל אֶת־הַלְּבִבוֹת׃ וַתִּקַּח אֶת־
הַמַּשְׂרֵת וַתִּצֹק לְפָנָיו וַיְמָאֵן לֶאֱכוֹל וַיֹּאמֶר אַמְנוֹן הוֹצִיאוּ
י כָל־אִישׁ מֵעָלַי וַיֵּצְאוּ כָל־אִישׁ מֵעָלָיו׃ וַיֹּאמֶר אַמְנוֹן
אֶל־תָּמָר הָבִיאִי הַבִּרְיָה הַחֶדֶר וְאֶבְרֶה מִיָּדֵךְ וַתִּקַּח
תָּמָר אֶת־הַלְּבִבוֹת אֲשֶׁר עָשָׂתָה וַתָּבֵא לְאַמְנוֹן אָחִיהָ
יא הֶחָדְרָה׃ וַתַּגֵּשׁ אֵלָיו לֶאֱכֹל וַיַּחֲזֶק־בָּהּ וַיֹּאמֶר לָהּ בּוֹאִי
יב שִׁכְבִי עִמִּי אֲחוֹתִי׃ וַתֹּאמֶר לוֹ אַל־אָחִי אַל־תְּעַנֵּנִי כִּי
לֹא־יֵעָשֶׂה כֵן בְּיִשְׂרָאֵל אַל־תַּעֲשֵׂה אֶת־הַנְּבָלָה הַזֹּאת׃
יג וַאֲנִי אָנָה אוֹלִיךְ אֶת־חֶרְפָּתִי וְאַתָּה תִּהְיֶה כְּאַחַד הַנְּבָלִים
בְּיִשְׂרָאֵל וְעַתָּה דַּבֶּר־נָא אֶל־הַמֶּלֶךְ כִּי לֹא יִמְנָעֵנִי מִמֶּךָּ׃
יד וְלֹא אָבָה לִשְׁמֹעַ בְּקוֹלָהּ וַיֶּחֱזַק מִמֶּנָּה וַיְעַנֶּהָ וַיִּשְׁכַּב
טו אֹתָהּ׃ וַיִּשְׂנָאֶהָ אַמְנוֹן שִׂנְאָה גְּדוֹלָה מְאֹד כִּי גְדוֹלָה
הַשִּׂנְאָה אֲשֶׁר שְׂנֵאָהּ מֵאַהֲבָה אֲשֶׁר אֲהֵבָהּ וַיֹּאמֶר־לָהּ
טז אַמְנוֹן קוּמִי לֵכִי׃ וַתֹּאמֶר לוֹ אַל־אוֹדֹת הָרָעָה הַגְּדוֹלָה

ת׳ יתיר י׳   י׳ קמץ בז״ק   יב׳ הש׳ בצרי

פון וועגן זיין שוועסטער תָּמָרן, וואָרום זי איז געווען אַ יונג־פרוי; און עס איז געווען פאַרהוילן אין אַמנונס אויגן ווי אַזוי איר עפּעס צו טאָן.

[3] און אַמנון האָט געהאַט אַ חבר וואָס זיין נאָמען איז געווען יוֹנָדָב דער זון פון שִׁמְעָה, דודס ברודער, און יוֹנָדָב איז געווען זייער אַ קלוגער מענטש. [4] האָט ער צו אים געזאָגט: פאַרוואָס ביסטו אַזוי אָפּגעצערט פרימאָרגן אין פרימאָרגן, דו בן־מלך? ווילסטו מיר ניט זאָגן? האָט אַמנון צו אים געזאָגט: איך האָב ליב תָּמָרן, מיין ברודער אַבשָׁלומס שוועסטער. [5] האָט יוֹנָדָב צו אים געזאָגט: לייג זיך אויף דיין געלעגער, און מאַך זיך קראַנק, און אַז דיין פאָטער וועט דיך קומען זען, אַזוי זאָלסטו זאָגן צו אים: זאָל, איך בעט דיך, קומען מיין שוועסטער תָּמָר, און מיר געבן עסן שפּייז, און זאָל זי מאַכן דאָס עסן פאַר מיינע אויגן, כּדי איך זאָל זען, און עסן פון איר האַנט.

[6] האָט אַמנון זיך געלייגט און זיך געמאַכט קראַנק, און ווי דער מלך איז אים געקומען זען, אַזוי האָט אַמנון געזאָגט צום מלך: זאָל, איך בעט דיך, קומען מיין שוועסטער תָּמָר, און צוברייטן פאַר מיינע אויגן אַ פּאָר פאַנקוכנס, און איך וועל עסן פון איר האַנט.

[7] האָט דוד געשיקט צו תָּמָרן אין הויז, אַזוי צו זאָגן: גיי אַקאָרשט אין דיין ברודער אַמנונס הויז, און מאַך אים עסן.

[8] איז תָּמָר געגאַנגען אין איר ברודער אַמנונס הויז; און ער איז געלעגן. און זי האָט גענומען דעם טייג, און האָט געקנעטן און צובאַרייט פאַר זיינע אויגן, און געבאַקן די פאַנקוכנס. [9] און זי האָט גענומען די פאַן, און האָט אויסגעגאָסן פאַר אים; אָבער ער האָט ניט געוואָלט עסן. [10] און אַמנון האָט געזאָגט: פירט אַרויס אַלע מענטשן פון מיר. זיינען אַלע מענטשן אַרויסגעגאַנגען פון אים. [10] און אַמנון האָט געזאָגט צו תָּמָרן: ברענג דאָס עסן אין קאַמער, און איך וועל עסן פון דיין האַנט. האָט תָּמָר גענומען די פאַנקוכנס וואָס זי האָט געמאַכט, און אַריינגעבראַכט צו איר ברודער אַמנונען אין קאַמער. [11] און ווי זי האָט אים דערלאַנגט צום עסן, אַזוי האָט ער זי אָנגענומען, און האָט געזאָגט: קום ליג מיט מיר, מיין שוועסטער. [12] האָט זי צו אים געזאָגט: ניט, מיין ברודער! זאָלסט מיך ניט פייניקן, וואָרום אַזוי ווערט ניט געטאָן אין ישראל; זאָלסט ניט טאָן דידאָזיקע נבָלה. [13] און איך, וווּ וועל איך אַהינטאָן מיין חרפּה? און דו וועסט זיין אַזוי ווי איינער פון די נידערטרעכטיקע אין ישראל. און אַצונד, רעד, איך בעט דיך, צום מלך, וואָרום ער וועט מיך ניט פאַרמיידן פון דיר.

[14] אָבער ער האָט ניט געוואָלט צוהערן צו איר קָול, און ער האָט זי איבערגעשטאַרקט, און האָט זי געפּייניקט, און איז געלעגן מיט איר.

[15] און אַמנון האָט זי פיינט געקריגן זייער אַ גרויס פיינטשאַפט; וואָרום די פיינטשאַפט וואָס ער האָט זי פיינט געקריגן, איז געווען גרעסער פון דער ליבשאַפט וואָס ער האָט זי ליב געהאַט. און אַמנון האָט צו איר געזאָגט: שטיי אויף, גיי. [16] האָט

הַזֹּאת מֵאַחֶרֶת אֲשֶׁר־עָשִׂיתָ עִמִּי לְשַׁלְּחֵנִי וְלֹא אָבָה
לִשְׁמֹעַ לָהּ׃ וַיִּקְרָא אֶת־נַעֲרוֹ מְשָׁרְתוֹ וַיֹּאמֶר שִׁלְחוּ־נָא יז
אֶת־זֹאת מֵעָלַי הַחוּצָה וּנְעֹל הַדֶּלֶת אַחֲרֶיהָ׃ וְעָלֶיהָ יח
כְּתֹנֶת פַּסִּים כִּי כֵן תִּלְבַּשְׁןָ בְנוֹת־הַמֶּלֶךְ הַבְּתוּלֹת
מְעִילִים וַיֹּצֵא אוֹתָהּ מְשָׁרְתוֹ הַחוּץ וְנָעַל הַדֶּלֶת אַחֲרֶיהָ׃
וַתִּקַּח תָּמָר אֵפֶר עַל־רֹאשָׁהּ וּכְתֹנֶת הַפַּסִּים אֲשֶׁר עָלֶיהָ יט
קָרָעָה וַתָּשֶׂם יָדָהּ עַל־רֹאשָׁהּ וַתֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְזָעָקָה׃
וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אַבְשָׁלוֹם אָחִיהָ הַאֲמִינוֹן אָחִיךְ הָיָה עִמָּךְ כ
וְעַתָּה אֲחוֹתִי הַחֲרִישִׁי אָחִיךְ הוּא אַל־תָּשִׁיתִי אֶת־לִבֵּךְ
לַדָּבָר הַזֶּה וַתֵּשֶׁב תָּמָר וְשֹׁמֵמָה בֵּית אַבְשָׁלוֹם אָחִיהָ׃
וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד שָׁמַע אֵת כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיִּחַר לוֹ מְאֹד׃ כא
וְלֹא־דִבֶּר אַבְשָׁלוֹם עִם־אַמְנוֹן לְמֵרָע וְעַד־טוֹב כִּי־שָׂנֵא כב
אַבְשָׁלוֹם אֶת־אַמְנוֹן עַל־דְּבַר אֲשֶׁר עִנָּה אֵת תָּמָר אֲחֹתוֹ׃
וַיְהִי לִשְׁנָתַיִם יָמִים וַיִּהְיוּ גֹזְזִים לְאַבְשָׁלוֹם בְּבַעַל כג
חָצוֹר אֲשֶׁר עִם־אֶפְרָיִם וַיִּקְרָא אַבְשָׁלוֹם לְכָל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃
וַיָּבֹא אַבְשָׁלוֹם אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר הִנֵּה־נָא גֹזְזִים לְעַבְדֶּךָ כד
יֵלֶךְ־נָא הַמֶּלֶךְ וַעֲבָדָיו עִם־עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־ כה
אַבְשָׁלוֹם אַל־בְּנִי אַל־נָא נֵלֵךְ כֻּלָּנוּ וְלֹא נִכְבַּד עָלֶיךָ
וַיִּפְרָץ־בּוֹ וְלֹא־אָבָה לָלֶכֶת וַיְבָרְכֵהוּ׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם כו
וָלֹא יֵלֶךְ־נָא אִתָּנוּ אַמְנוֹן אָחִי וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ לָמָּה
יֵלֵךְ עִמָּךְ׃ וַיִּפְרָץ־בּוֹ אַבְשָׁלוֹם וַיִּשְׁלַח אִתּוֹ אֶת־אַמְנוֹן כז
וְאֵת כָּל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיְצַו אַבְשָׁלוֹם אֶת־נְעָרָיו לֵאמֹר כח
רְאוּ נָא כְּטוֹב לֵב־אַמְנוֹן בַּיָּיִן וְאָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם הַכּוּ אֶת־
אַמְנוֹן וַהֲמִתֶּם אֹתוֹ אַל־תִּירָאוּ הֲלוֹא כִּי אָנֹכִי צִוִּיתִי
אֶתְכֶם חִזְקוּ וִהְיוּ לִבְנֵי־חָיִל׃ וַיַּעֲשׂוּ נַעֲרֵי אַבְשָׁלוֹם כט
לְאַמְנוֹן כַּאֲשֶׁר צִוָּה אַבְשָׁלוֹם וַיָּקֻמוּ ׀ כָּל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ
וַיִּרְכְּבוּ אִישׁ עַל־פִּרְדּוֹ וַיָּנֻסוּ׃ וַיְהִי הֵמָּה בַדֶּרֶךְ וְהַשְּׁמֻעָה ל
בָּאָה אֶל־דָּוִד לֵאמֹר הִכָּה אַבְשָׁלוֹם אֶת־כָּל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ

זי צו אים געזאָגט: ניטע! וואָרום דאָסדאָזיקע בייז מיך אַוועקצושיקן איז נאָך גרעסער ווי דאָס אַנדערע וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר.

אָבער ער האָט ניט געוואָלט צוהערן צו איר. [17] און ער האָט גערופן זיין יונג, זיין משרת, און האָט געזאָגט: שיקט אַקאָרשט אַרויס דידאָזיקע פון מיר דערויסן, און פאַרשליס די טיר הינטער איר.—[18] און זי האָט געהאַט אויף זיך אַ געשטרייפט קלייד, וואָרום אַזעלכע מאַנטלען פלעגן טראָגן דעם מלכס טעכטער די יונגפרויען.—האָט זיין משרת זי אַרויסגעפירט דערויסן, און האָט פאַרשלאָסן די טיר הינטער איר. [19] און תָּמָר האָט גענומען אַש אויף איר קאָפּ, און דאָס געשטרייפטע קלייד וואָס אויף איר האָט זי צעריסן, און זי האָט אַרויפגעטאָן איר האַנט אויף איר קאָפּ, און איז געגאַנגען און גייענדיק געשריִען.

[20] האָט צו איר געזאָגט איר ברודער אַבשָלום: איז אַמינוֹן[א] דיין ברודער געווען מיט דיר? און אַצונד, מיין שוועסטער, שוויג, וואָרום ער איז דיין ברודער; זאָלסט דיר ניט נעמען צום האַרצן דידאָזיקע זאַך.

און תָּמָר איז געזעסן אַ וויסטע אין איר ברודער אַבשָלומס הויז.

[21] און דער מלך דוד האָט געהערט אַלע דידאָזיקע זאַכן, און אים האָט זייער געערגערט.

[22] און אַבשָלום האָט ניט גערעדט מיט אַמנונען פון שלעכטס ביז גוטס, וואָרום אַבשָלום האָט פיינט געקריגן אַמנונען דערפאַר וואָס ער האָט געפייניקט זיין שוועסטער תָּמָרן.

[23] און עס איז געווען אין צוויי יאָר צייט אַרום, האָט מען געשאָרן ביי אַבשָלומען אין בַּעַל־חָצור וואָס בּיי אפרים, און אַבשָלום האָט פאַררופן אַלע זין פון מלך. [24] און אַבשָלום איז געקומען צום מלך, און האָט געזאָגט: אָט, איך בעט דיך, שערט מען ביי דיין קנעכט; זאָל, איך בעט דיך, דער מלך און זיינע קנעכט מיטגיין מיט דיין קנעכט. [25] האָט דער מלך געזאָגט צו אַבשָלומען: ניין, מיין זון, לאָמיר אַקאָרשט ניט אַלע גיין, כּדי מיר זאָלן ניט פאַלן צו שווער אויף דיר. איז ער צוגעשטאַנען צו אים, אָבער ער האָט ניט געוואָלט גיין, און ער האָט אים געבענטשט. [26] האָט אַבשָלום געזאָגט: אויב ניט, זאָל, איך בעט דיך, גיין מיט אונדז מיין ברודער אַמנון. האָט דער מלך צו אים געזאָגט: נאָך וואָס זאָל ער גיין מיט דיר? [27] איז אַבשָלום צוגעשטאַנען צו אים, און ער האָט געשיקט מיט אים אַמנונען און אַלע זין פון מלך.

[28] און אַבשָלום האָט באַפוילן זיינע יונגען, אַזוי צו זאָגן: זעט אַקאָרשט, ווי אַמנונס האַרץ איז פריילעך פון וויין, און איך וועל אייך זאָגן: שלאָגט אַמנונען, אַזוי זאָלט איר אים טייטן; איר זאָלט ניט מורא האָבן, וואָרום איך האָב דאָך אייך באַפוילן. שטאַרקט אייך און זייט העלדישע יונגען.

[29] האָבן די יונגען פון אַבשָלומען געטאָן צו אַמנונען אַזוי ווי אַבשָלום האָט באַפוילן, און אַלע זין פון מלך זיינען אויפגעשטאַנען, און האָבן זיך געזעצט איטלעכער אויף זיין מוילאייזל, און זיינען אַנטלאָפן. [30] און עס איז געווען, ווי זיי זיינען אונטערוועגנס, אַזוי איז די הערונג אָנגעקומען צו דודן, אַזוי צו זאָגן: אַבשָלום האָט

[א] פאַראַכטפאָרם פון אַמנון=אַמנונקע.

לא וְלֹא־נוֹתַר מֵהֶם אֶחָד׃ וַיָּקָם הַמֶּלֶךְ וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו
לב וַיִּשְׁכַּב אָרְצָה וְכָל־עֲבָדָיו נִצָּבִים קְרֻעֵי בְגָדִים׃ וַיַּעַן
יוֹנָדָב ׀ בֶּן־שִׁמְעָה אֲחִי־דָוִד וַיֹּאמֶר אַל־יֹאמַר אֲדֹנִי אֵת
כָּל־הַנְּעָרִים בְּנֵי־הַמֶּלֶךְ הֵמִיתוּ כִּי־אַמְנוֹן לְבַדּוֹ מֵת כִּי־
עַל־פִּי אַבְשָׁלוֹם הָיְתָה שׂימָה מִיּוֹם עַנֹּתוֹ אֵת תָּמָר אֲחֹתוֹ׃
לג וְעַתָּה אַל־יָשֵׂם אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֶל־לִבּוֹ דָּבָר לֵאמֹר כָּל־
לד בְּנֵי הַמֶּלֶךְ מֵתוּ כִּי־אִם אַמְנוֹן לְבַדּוֹ מֵת׃ וַיִּבְרַח אַבְשָׁלוֹם
וַיִּשָּׂא הַנַּעַר הַצֹּפֶה אֶת־עֵינָו וַיַּרְא וְהִנֵּה עַם־רַב הֹלְכִים
לה מִדֶּרֶךְ אַחֲרָיו מִצַּד הָהָר׃ וַיֹּאמֶר יוֹנָדָב אֶל־הַמֶּלֶךְ הִנֵּה
לו בְנֵי־הַמֶּלֶךְ בָּאוּ כִּדְבַר עַבְדְּךָ כֵּן הָיָה׃ וַיְהִי ׀ כְּכַלֹּתוֹ
לְדַבֵּר וְהִנֵּה בְנֵי־הַמֶּלֶךְ בָּאוּ וַיִּשְׂאוּ קוֹלָם וַיִּבְכּוּ וְגַם־
לז הַמֶּלֶךְ וְכָל־עֲבָדָיו בָּכוּ בְּכִי גָּדוֹל מְאֹד׃ וְאַבְשָׁלוֹם בָּרַח
וַיֵּלֶךְ אֶל־תַּלְמַי בֶּן־עַמִּיחוּר מֶלֶךְ גְּשׁוּר וַיִּתְאַבֵּל עַל־בְּנוֹ
לח כָּל־הַיָּמִים׃ וְאַבְשָׁלוֹם בָּרַח וַיֵּלֶךְ גְּשׁוּר וַיְהִי־שָׁם שָׁלֹשׁ
לט שָׁנִים׃ וַתְּכַל דָּוִד הַמֶּלֶךְ לָצֵאת אֶל־אַבְשָׁלוֹם כִּי־נִחַם
עַל־אַמְנוֹן כִּי־מֵת׃

## יד

א ב וַיֵּדַע יוֹאָב בֶּן־צְרֻיָה כִּי־לֵב הַמֶּלֶךְ עַל־אַבְשָׁלוֹם׃ וַיִּשְׁלַח
יוֹאָב תְּקוֹעָה וַיִּקַּח מִשָּׁם אִשָּׁה חֲכָמָה וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ
הִתְאַבְּלִי־נָא וְלִבְשִׁי־נָא בִגְדֵי־אֵבֶל וְאַל־תָּסוּכִי שֶׁמֶן וְהָיִית
ג כְּאִשָּׁה זֶה יָמִים רַבִּים מִתְאַבֶּלֶת עַל־מֵת׃ וּבָאת אֶל־
הַמֶּלֶךְ וְדִבַּרְתְּ אֵלָיו כַּדָּבָר הַזֶּה וַיָּשֶׂם יוֹאָב אֶת־הַדְּבָרִים
ד בְּפִיהָ׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הַתְּקֹעִית אֶל־הַמֶּלֶךְ וַתִּפֹּל עַל־
אַפֶּיהָ אַרְצָה וַתִּשְׁתָּחוּ וַתֹּאמֶר הוֹשִׁעָה הַמֶּלֶךְ׃
ה וַיֹּאמֶר־לָהּ הַמֶּלֶךְ מַה־לָּךְ וַתֹּאמֶר אֲבָל אִשָּׁה־אַלְמָנָה אָנִי
ו וַיָּמָת אִישִׁי׃ וּלְשִׁפְחָתְךָ שְׁנֵי בָנִים וַיִּנָּצוּ שְׁנֵיהֶם בַּשָּׂדֶה
וְאֵין מַצִּיל בֵּינֵיהֶם וַיַּכּוּ הָאֶחָד אֶת־הָאֶחָד וַיָּמֶת אֹתוֹ׃

יג, לב׳ שומה קרי   לג׳ למדנחאי עַל
כתוב ולא ק׳   לד׳ עיניו ק   לז׳ עמיהוד ק

דערשלאָגן אַלע זין פון מלך, און ניט געבליבן פון זיי אַן איינציקער.

[31] איז דער מלך אויפגעשטאַנען, און ער האָט צעריסן זיינע קליידער, און האָט זיך געלייגט אויף דער ערד; און אַלע זיינע קנעכט זיינען געשטאַנען מיט צעריסענע קליידער. [32] האָט זיך אָפּגערופן יונָדב דער זון פון שמעָה, דודס ברודער, און האָט געזאָגט: זאָל ניט מיינען מיין האַר, אַלע יונגעלייט, די זין פון מלך, האָט מען געטייט, וואָרום בלויז אַמנון איז טויט; ווייל דאָס איז געווען אָפּגעמאַכט פון אַבשָלומס מויל פון דעם טאָג וואָס ער האָט געפייניקט זיין שוועסטער תָמָרן. [33] און אַצונד זאָל מיין האַר דער מלך זיך ניט נעמען די זאַך צום האַרצן, אַזוי צו זאָגן: אַלע זין פון מלך זיינען טויט, וואָרום בלויז אַמנון איז טויט.

[34] און אַבשָלום איז אַנטלאָפן.

און דער יונג דער וועכטער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און געזען, ערשט פיל פאָלק גייען פון דעם וועג הינטער אים, פון זייט באַרג. [35] און יונָדב האָט געזאָגט צום מלך: אָט זיינען געקומען דעם מלכס זין. אַזוי ווי דאָס וואָרט פון דיין קנעכט, אַזוי איז געווען.

[36] און עס איז געווען, ווי ער ענדיקט רעדן, ערשט דעם מלכס זין זיינען אָנגעקומען, און זיי האָבן אויפגעהויבן זייער קָול און האָבן געוויינט, און אויך דער מלך און אַלע זיינע קנעכט האָבן געוויינט זייער אַ גרויס געוויין.

[37] און אַבשָלום איז אַנטלאָפן, און איז אַוועק צו תַלמַי דעם זון פון עַמיהודן, דעם מלך פון גשור. און [דוד] האָט געטרויערט אויף זיין זון אַלע טעג.

[38] אַזוי איז אַבשָלום אַנטלאָפן, און איז אַוועק קיין גשור, און ער איז דאָרטן געווען דריי יאָר.

[39] און [דאָס האַרץ פון] דוד המלך איז אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט נאָך אַבשָלומען, וואָרום ער האָט זיך שוין געטרייסט וועגן אַמנונען, וואָס ער איז טויט.

יד [1] און יואָב דער זון פון צרויָהן האָט געוווסט אַז דעם מלכס האַרץ איז צו אַבשָלומען. [2] האָט יואָב געשיקט קיין תקוֹעַ, און האָט געבראַכט פון דאָרטן אַ קלוגע פרוי, און האָט צו איר געזאָגט: מאַך זיך, איך בעט דיך, טרויערנדיק, און טו אָן, איך בעט דיך, טרויערקליידער, און זאָלסט זיך ניט זאַלבן מיט אייל, און זאָלסט זיין ווי אַ פרוי וואָס טרויערט שוין פיל טעג נאָך אַ טויטן. [3] און זאָלסט קומען צום מלך, און רעדן צו אים אַזוי ווי דאָסדאָזיקע וואָרט. און יואָב האָט אַריינגעטאָן די ווערטער אין איר מויל.

[4] האָט די פרוי פון תקוֹעַ גערעדט צום מלך, און זי איז געפאַלן אויף איר פנים צו דער ערד, און האָט זיך געבוקט און געזאָגט: העלף, מלך. [5] האָט דער מלך צו איר געזאָגט: וואָס איז דיר? האָט זי געזאָגט: פאַרוואָר, אַ פרוי אַן אַלמנה בין איך, וואָרום מיין מאַן איז געשטאָרבן. [6] און דיין דינסט האָט געהאַט צוויי זין, האָבן זיי זיך ביידע געקריגט אין פעלד, און ניט געווען ווער זאָל פאַנאַנדעררייסן צווישן זיי, האָט איינער געשלאָגן דעם אַנדערן און אים געטייט.

וְהִנֵּה קָמָה כָל־הַמִּשְׁפָּחָה עַל־שִׁפְחָתֶךָ וַיֹּאמְרוּ תְּנִי ׀ ז
אֶת־מַכֵּה אָחִיו וּנְמִתֵהוּ בְּנֶפֶשׁ אָחִיו אֲשֶׁר הָרָג וְנַשְׁמִידָה
גַּם אֶת־הַיּוֹרֵשׁ וְכִבּוּ אֶת־גַּחַלְתִּי אֲשֶׁר נִשְׁאָרָה לְבִלְתִּי
שׂוֹם־לְאִישִׁי שֵׁם וּשְׁאֵרִית עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וַיֹּאמֶר ח
הַמֶּלֶךְ אֶל־הָאִשָּׁה לְכִי לְבֵיתֵךְ וַאֲנִי אֲצַוֶּה עָלָיִךְ׃ וַתֹּאמֶר ט
הָאִשָּׁה הַתְּקוֹעִית אֶל־הַמֶּלֶךְ עָלַי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ הֶעָוֺן וְעַל־
בֵּית אָבִי וְהַמֶּלֶךְ וְכִסְאוֹ נָקִי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ י
הַמְדַבֵּר אֵלַיִךְ וַהֲבֵאתוֹ אֵלַי וְלֹא־יֹסִיף עוֹד לָגַעַת בָּךְ׃
וַתֹּאמֶר יִזְכָּר־נָא הַמֶּלֶךְ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ מֵהַרְבִּית גֹּאֵל יא
הַדָּם לְשַׁחֵת וְלֹא יַשְׁמִידוּ אֶת־בְּנִי וַיֹּאמֶר חַי־יְהוָה אִם־
יִפֹּל מִשַּׂעֲרַת בְּנֵךְ אָרְצָה׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה תְּדַבֶּר־נָא יב
שִׁפְחָתְךָ אֶל־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ דָּבָר וַיֹּאמֶר דַּבֵּרִי׃ וַתֹּאמֶר יג
הָאִשָּׁה וְלָמָּה חָשַׁבְתָּה כָּזֹאת עַל־עַם אֱלֹהִים וּמִדַּבֵּר
הַמֶּלֶךְ הַדָּבָר הַזֶּה כְּאָשֵׁם לְבִלְתִּי הָשִׁיב הַמֶּלֶךְ אֶת־נִדְּחוֹ׃
כִּי־מוֹת נָמוּת וְכַמַּיִם הַנִּגָּרִים אַרְצָה אֲשֶׁר לֹא יֵאָסֵפוּ יד
וְלֹא־יִשָּׂא אֱלֹהִים נֶפֶשׁ וְחָשַׁב מַחֲשָׁבוֹת לְבִלְתִּי יִדַּח
מִמֶּנּוּ נִדָּח׃ וְעַתָּה אֲשֶׁר־בָּאתִי לְדַבֵּר אֶל־הַמֶּלֶךְ אֲדֹנִי טו
אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה כִּי יֵרְאֻנִי הָעָם וַתֹּאמֶר שִׁפְחָתְךָ אֲדַבְּרָה־
נָּא אֶל־הַמֶּלֶךְ אוּלַי יַעֲשֶׂה הַמֶּלֶךְ אֶת־דְּבַר אֲמָתוֹ׃ כִּי טז
יִשְׁמַע הַמֶּלֶךְ לְהַצִּיל אֶת־אֲמָתוֹ מִכַּף הָאִישׁ לְהַשְׁמִיד
אֹתִי וְאֶת־בְּנִי יַחַד מִנַּחֲלַת אֱלֹהִים׃ וַתֹּאמֶר שִׁפְחָתְךָ יז
יִהְיֶה־נָּא דְּבַר־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ לִמְנֻחָה כִּי ׀ כְּמַלְאַךְ הָאֱלֹהִים
כֵּן אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ לִשְׁמֹעַ הַטּוֹב וְהָרָע וַיהוָה אֱלֹהֶיךָ יְהִי
עִמָּךְ׃ וַיַּעַן הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר אֶל־הָאִשָּׁה אַל־נָא יח
תְכַחֲדִי מִמֶּנִּי דָּבָר אֲשֶׁר אָנֹכִי שֹׁאֵל אֹתָךְ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה
יְדַבֶּר־נָא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ הֲיַד יוֹאָב אִתָּךְ יט
בְּכָל־זֹאת וַתַּעַן הָאִשָּׁה וַתֹּאמֶר חֵי־נַפְשְׁךָ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ

---

ז׳ קמץ בז״ק   שים קרי   יא׳ מהרבת ק׳

7 און אָט איז אָנגעשטאַנען די גאַנצע משפחה אויף דיין דינסט, און זיי זאָגן: גיב אונדז דעם וואָס האָט דערשלאָגן זיין ברודער, און מיר וועלן אים טייטן פאַר דעם לעבן פון זיין ברודער וואָס ער האָט געהרגעט, און מיר וועלן פאַרטיליקן אויך דעם יורש. און זיי ווילן אויסלעשן מיין קויל וואָס איז געבליבן, ניט צו לאָזן מיין מאַן אַ נאָמען און אַן איבערבלייב אויפן געזיכט פון דער ערד.

8 האָט דער מלך געזאָגט צו דער פרוי: גיי אַהיים, און איך וועל באַפעלן וועגן דיר. 9 האָט די פרוי פון תקוע געזאָגט צום מלך: אויף מיר, מיין האַר מלך, די שולד, און אויף מיין פאָטערס הויז, און דער מלך און זיין טראָן איז ריין. 10 האָט דער מלך געזאָגט: דער וואָס רעדט צו דיר, זאָלסטו אים ברענגען צו מיר, און ער וועט דיך מער ווידער ניט אָנרירן. 11 האָט זי געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, דער מלך געדענקען יהוה דיין גאָט, אַז דער בלוטמאָנער זאָל ניט נאָך מער אומברענגען, און זיי זאָלן ניט פאַרטיליקן מיין זון. האָט ער געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, אויב אַ האָר פון דיין זון וועט פאַלן צו דער ערד! 12 האָט די פרוי געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, דיין דינסט רעדן צו מיין האַר דעם מלך אַ וואָרט. האָט ער געזאָגט: רעד.

13 האָט די פרוי געזאָגט: און פאַרוואָס טראַכטסטו אַזוינס אַקעגן דעם פאָלק פון גאָט? וואָרום אַז דער מלך רעדט דאָסדאָזיקע וואָרט, איז ער אַליין אַזוי ווי אַ שולדיקער, וואָס דער מלך קערט ניט אום זיין פאַרשטויסענעם. 14 וואָרום שטאַרבן מוזן מיר שטאַרבן; יאָ, אַזוי ווי וואַסער אויסגעגאָסן אויף דער ערד, וואָס קען ניט אויפגעזאַמלט ווערן; און גאָט שוינט ניט קיין נפש; אָבער ער טראַכט טראַכטונגען אַז פון אים זאָל ניט פאַרשטויסן ווערן קיין פאַרשטויסענער. 15 און אַצונד, וואָס איך בין געקומען רעדן צו מיין האַר דעם מלך דאָסדאָזיקע וואָרט, איז דאָס ווייל דאָס פאָלק האָט מיך אײַנגעשראָקן, און דיין דינסט האָט געזאָגט: לאָמיך אַקאָרשט רעדן צום מלך, אפשר וועט דער מלך טאָן דעם פאַרלאַנג פון זיין דינסט. 16 וואָרום דער מלך וועט זיך צוהערן, מציל צו זיין זיין דינסט פון דער האַנט פון דעם מאַן וואָס וויל פאַרטיליקן מיך און מיין זון אין איינעם פון גאָטס נחלה. 17 און דיין דינסט האָט געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, דאָס וואָרט פון מיין האַר דעם מלך זיין פאַר אַ באַרואונג; וואָרום ווי אַ מלאך פון גאָט, אַזוי איז מיין האַר דער מלך אויף צו פאַרשטיין גוטס און שלעכטס. און זאָל יהוה דיין גאָט זיין מיט דיר.

18 האָט געענטפערט דער מלך און האָט געזאָגט צו דער פרוי: זאָלסט נאָר ניט לייקענען פון מיר קיין זאַך וואָס איך פרעג דיך. האָט די פרוי געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, מיין האַר דער מלך רעדן. 19 האָט דער מלך געזאָגט: איז יואָבס האַנט געווען מיט דיר אין דעם אַלעם? האָט די פרוי געענטפערט און געזאָגט: אַזוי ווי דיין זעל לעבט, מיין האַר מלך,

אִם־אִשׁ ׀ לְהֵמִין וּלְהַשְׂמִיל מִכֹּל אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
כִּי־עַבְדְּךָ יוֹאָב הוּא צִוָּנִי וְהוּא שָׂם בְּפִי שִׁפְחָתְךָ אֵת
כ כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ לְבַעֲבוּר סַבֵּב אֶת־פְּנֵי הַדָּבָר עָשָׂה
עַבְדְּךָ יוֹאָב אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וַאדֹנִי חָכָם כְּחָכְמַת מַלְאַךְ
כא הָאֱלֹהִים לָדַעַת אֶת־כָּל־אֲשֶׁר בָּאָרֶץ׃ וַיֹּאמֶר
הַמֶּלֶךְ אֶל־יוֹאָב הִנֵּה־נָא עָשִׂיתִי אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וְלֵךְ
כב הָשֵׁב אֶת־הַנַּעַר אֶת־אַבְשָׁלוֹם׃ וַיִּפֹּל יוֹאָב אֶל־פָּנָיו אַרְצָה
וַיִּשְׁתַּחוּ וַיְבָרֶךְ אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר יוֹאָב הַיּוֹם יָדַע עַבְדְּךָ
כִּי־מָצָאתִי חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־עָשָׂה הַמֶּלֶךְ
כג אֶת־דְּבַר עַבְדּוֹ׃ וַיָּקָם יוֹאָב וַיֵּלֶךְ גְּשׁוּרָה וַיָּבֵא אֶת־
כד אַבְשָׁלוֹם יְרוּשָׁלָםִ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ יִסֹּב אֶל־בֵּיתוֹ
וּפָנַי לֹא יִרְאֶה וַיִּסֹּב אַבְשָׁלוֹם אֶל־בֵּיתוֹ וּפְנֵי הַמֶּלֶךְ לֹא
כה רָאָה׃ וּכְאַבְשָׁלוֹם לֹא־הָיָה אִישׁ־יָפֶה בְּכָל־יִשְׂרָאֵל
לְהַלֵּל מְאֹד מִכַּף רַגְלוֹ וְעַד קָדְקֳדוֹ לֹא־הָיָה בוֹ מוּם׃
כו וּבְגַלְּחוֹ אֶת־רֹאשׁוֹ וְהָיָה מִקֵּץ יָמִים ׀ לַיָּמִים אֲשֶׁר יְגַלֵּחַ
כִּי־כָבֵד עָלָיו וְגִלְּחוֹ וְשָׁקַל אֶת־שְׂעַר רֹאשׁוֹ מָאתַיִם
כז שְׁקָלִים בְּאֶבֶן הַמֶּלֶךְ׃ וַיִּוָּלְדוּ לְאַבְשָׁלוֹם שְׁלוֹשָׁה בָנִים
וּבַת אַחַת וּשְׁמָהּ תָּמָר הִיא הָיְתָה אִשָּׁה יְפַת מַרְאֶה׃
כח וַיֵּשֶׁב אַבְשָׁלוֹם בִּירוּשָׁלַםִ שְׁנָתַיִם יָמִים וּפְנֵי
כט הַמֶּלֶךְ לֹא רָאָה׃ וַיִּשְׁלַח אַבְשָׁלוֹם אֶל־יוֹאָב לִשְׁלֹחַ אֹתוֹ
אֶל־הַמֶּלֶךְ וְלֹא אָבָה לָבוֹא אֵלָיו וַיִּשְׁלַח עוֹד שֵׁנִית וְלֹא
ל אָבָה לָבוֹא׃ וַיֹּאמֶר אֶל־עֲבָדָיו רְאוּ חֶלְקַת יוֹאָב אֶל־
יָדִי וְלוֹ־שָׁם שְׂעֹרִים לְכוּ וְהוֹצִיתִיהָ בָאֵשׁ וַיַּצִּתוּ עַבְדֵי
לא אַבְשָׁלוֹם אֶת־הַחֶלְקָה בָּאֵשׁ׃ וַיָּקָם יוֹאָב וַיָּבֹא
אֶל־אַבְשָׁלוֹם הַבָּיְתָה וַיֹּאמֶר אֵלָיו לָמָּה הִצִּיתוּ עֲבָדֶיךָ
לב אֶת־הַחֶלְקָה אֲשֶׁר־לִי בָּאֵשׁ׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם אֶל־יוֹאָב
הִנֵּה שָׁלַחְתִּי אֵלֶיךָ ׀ לֵאמֹר בֹּא הֵנָּה וְאֶשְׁלְחָה אֹתְךָ אֶל־

---

יט׳ כצ״ל  חסר א׳  קמץ בז״ק  כא׳ ס״א עשיתָ ק׳
כב׳ עבדך קרי  ל׳ והציתוה ק׳  לב׳ כ׳צל׳ ב״תלג

אויב מע קען אַוועק רעכטס אָדער לינקס פון אַלץ וואָס מיין האַר דער מלך האָט גערעדט! וואָרום דיין קנעכט יואָב, ער האָט מיר באַפוילן, און ער האָט אַריינגעטאָן אין מויל פון דיין דינסט אַלע דידאָזיקע ווערטער. [20] כּדי צו פאַרדרייען דעם פּנים פון דער זאַך, האָט דיין קנעכט יואָב געטאָן דידאָזיקע זאַך. אָבער מיין האַר איז קלוג אַזוי ווי די קלוגשאַפט פון אַ מלאך פון גאָט, צו וויסן אַלץ וואָס אויף דער ערד.

[21] און דער מלך האָט געזאָגט צו יואָבן: זע, איך טו דידאָזיקע זאַך, און גיי קער אום דעם יונג אַבשָלומען.

[22] איז יואָב געפאַלן אויף זיין פּנים צו דער ערד, און האָט זיך געבוקט, און האָט געבענטשט דעם מלך. און יואָב האָט געזאָגט: היינט ווייס דיין קנעכט אַז איך האָב געפונען לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, מיין האַר מלך, וואָרום דער מלך האָט געטאָן דעם פאַרלאַנג פון דיין קנעכט.

[23] און יואָב איז אויפגעשטאַנען, און איז געגאַנגען קיין גשור, און האָט געבראַכט אַבשָלומען קיין ירושָלַים. [24] און דער מלך האָט געזאָגט: זאָל ער פאַרקערן צו זיין הויז, אָבער מיין פּנים זאָל ער ניט זען.

האָט אַבשָלום פאַרקערט צו זיין הויז, און דעם מלכס פּנים האָט ער ניט געזען.

[25] און אין גאַנץ ישראל איז ניט געווען אַזאַ שיינער מאַן ווי אַבשָלום, זייער צו רימען; פון זיין פוסטריט ביז זיין שפּיץ קאָפּ איז אין אים ניט געווען אַ פעלער. [26] און אַז ער האָט אָפּגעשאָרן זיין קאָפּ—און געשען פלעגט עס פון סוף יאָר צו יאָר, אַז ער זאָל זיך אָפּשערן; וואָרום אַז עס איז אים צו שווער געוואָרן, האָט ער עס אָפּגעשאָרן—האָט ער אָפּגעוווֹיגן די האָר פון זיין קאָפּ מיט צוויי הונדערט שֶקל אויפן מלכס געוויכט.

[27] און ביי אַבשָלומען זיינען געבאָרן געוואָרן דריי זין, און איין טאָכטער וואָס איר נאָמען איז געווען תָּמָר. זי איז געווען אַ ווייבספּאַרשוין פון אַ שיינעם אויסזען.

[28] און אַבשָלום איז געזעסן אין ירושָלַים צוויי יאָר צייט, און דעם מלכס פּנים האָט ער ניט געזען. [29] האָט אַבשָלום געשיקט נאָך יואָבן, כּדי אים צו שיקן צום מלך, אָבער ער האָט ניט געוואָלט קומען צו אים. האָט ער ווידער געשיקט אַ צווייט מאָל, און ער האָט ניט געוואָלט קומען. [30] האָט ער געזאָגט צו זיינע קנעכט: זעט, יואָבס שטיק פעלד איז לעבן מיינעם, און ער האָט דאָרטן גערשטן; גייט און צינדט עס אָן אין פייער. און די קנעכט פון אַבשָלומען האָבן אָנגעצונדן דאָס שטיק פעלד אין פייער.

[31] איז יואָב אויפגעשטאַנען, און איז געקומען צו אַבשָלומען אין הויז, און האָט צו אים געזאָגט: פאַרוואָס האָבן דיינע קנעכט אָנגעצונדן מיין שטיק פעלד אין פייער? [32] האָט אַבשָלום געזאָגט צו יואָבן: זע, איך האָב געשיקט צו דיר, אַזוי צו

המלך לאמר למה באתי מגשור טוב לי עד אני־שם
ועתה אראה פני המלך ואם־יש־בי עון והמתני׃ ויבא לג
יואב אל־המלך ויגד־לו ויקרא אל־אבשלום ויבא אל־
המלך וישתחו לו על־אפיו ארצה לפני המלך וישק
המלך לאבשלום׃

טו

ויהי מאחרי כן ויעש לו אבשלום מרכבה וססים א
וחמשים איש רצים לפניו׃ והשכים אבשלום ועמד ב
על־יד דרך השער ויהי כל־האיש אשר־יהיה־לו ריב
לבוא אל־המלך למשפט ויקרא אבשלום אליו ויאמר
אי־מזה עיר אתה ויאמר מאחד שבטי־ישראל עבדך׃
ויאמר אליו אבשלום ראה דבריך טובים ונכחים ושמע ג
אין־לך מאת המלך׃ ויאמר אבשלום מי־ישמני שפט ד
בארץ ועלי יבוא כל־איש אשר־יהיה־לו ריב־ומשפט
והצדקתיו׃ והיה בקרב־איש להשתחות לו ושלח את־ ה
ידו והחזיק לו ונשק לו׃ ויעש אבשלום כדבר הזה ו
לכל־ישראל אשר־יבאו למשפט אל־המלך ויגנב
אבשלום את־לב אנשי ישראל׃ ויהי מקץ ארבעים ז
שנה ויאמר אבשלום אל־המלך אלכה נא ואשלם את־
נדרי אשר־נדרתי ליהוה בחברון׃ כי־נדר נדר עבדך ח
בשבתי בגשור בארם לאמר אם־ישיב ישיבני יהוה
ירושלם ועבדתי את־יהוה׃ ויאמר־לו המלך לך בשלום ט
ויקם וילך חברונה׃ וישלח אבשלום מרגלים י
בכל־שבטי ישראל לאמר כשמעכם את־קול השפר
ואמרתם מלך אבשלום בחברון׃ ואת־אבשלום הלכו יא
מאתים איש מירושלם קראים והלכים לתמם ולא ידעו
כל־דבר׃ וישלח אבשלום את־אחיתפל הגילני יועץ יב

טו, ח׳ ישוב קרי

זאָגן: קום אַהער, און איך וועל דיך שיקן צום מלך, אַזוי צו זאָגן: נאָך וואָס בין איך געקומען פון גשור? בעסער פאַר מיר, איך זאָל נאָך דאָרטן זײַן. און אַצונד, לאָמיך זען דעם פּנים פון מלך, און אויב אין מיר איז דאָ אַ פאַר־ברעך, זאָל ער מיך טייטן.

33 איז יואָב געקומען צום מלך, און האָט אים דער־ציילט. האָט ער גערופן אַבשָלומען, און ער איז געקומען צום מלך, און האָט זיך געבוקט אויף זײַן פּנים צו דער ערד פאַרן מלך. און דער מלך האָט געקושט אַבשָלומען.

# טו

1 און עס איז געווען נאָך דעם, האָט זיך אַבשָלום אײַנגעשאַפט אַ רײַטוואָגן און פערד, און פופציק מאַן וואָס זײַנען געלאָפן אים פאַרויס. 2 און אַבשָלום פלעגט זיך פעדערן, און פלעגט זיך שטעלן בײַם וועג פון טויער; און עס איז געווען, יעטוועדער מאַן וואָס פלעגט האָבן אַ קריג וואָס דאַרף קומען צום מלך פאַר אַ משפּט, האָט אַבשָלום גערופן צו אים און געזאָגט: פון וואָסער שטאָט ביסטו? האָט יענער געזאָגט: פון איינעם פון די שבטים פון ישראל איז דײַן קנעכט. 3 האָט אַבשָלום צו אים געזאָגט: זע, דײַנע טענות זײַנען גוטע און גערעכטע, אָבער קיינער פון מלך וועט דיר ניט צוהערן. 4 און אַבשָלום האָט געזאָגט: הלוואַי מאַכט מען מיך פאַר אַ שופט אין לאַנד, און צו מיר זאָל קומען יעטוועדער מאַן וואָס האָט אַ קריג און אַ משפּט; איך וואָלט אים שוין געטאָן גערעכטיקייט.

5 און עס איז געווען, ווי אַ מאַן האָט גענענט זיך צו בוקן צו אים, אַזוי פלעגט ער אויסשטרעקן זײַן האַנט, און אים אָננעמען, און אים קושן. 6 און אַבשָלום האָט געטאָן אַזוי ווי דידאָזיקע זאַך צו גאַנץ ישראל וואָס פלעגן קומען פאַר אַ משפּט צום מלך. און אַבשָלום האָט געגנבעט דאָס האַרץ פון די מענער פון ישראל.

7 און עס איז געווען צום סוף פון פערציק יאָר, האָט אַבשָלום געזאָגט צום מלך: לאָמיך גיין, איך בעט דיך, און באַצאָלן מײַן נדר וואָס איך האָב אַ נדר געטאָן צו גאָט, אין חֶברון. 8 וואָרום אַ נדר האָט אַ נדר געטאָן דײַן קנעכט ווען איך בין געזעסן אין גשור אין אַרם, אַזוי צו זאָגן: אויב אומקערן וועט מיך גאָט אומקערן קיין ירושָלַיִם, וועל איך דינען גאָט. 9 האָט דער מלך צו אים געזאָגט: גיי בשלום. און ער איז אויפגעשטאַנען, און איז געגאַנגען קיין חֶברון.

10 און אַבשָלום האָט געשיקט אויסקוקערס אין אַלע שבטים פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: ווי איר הערט דעם קָול פון שופר, אַזוי זאָלט איר זאָגן: אַבשָלום איז געוואָרן מלך אין חֶברון.

11 און מיט אַבשָלומען זײַנען געגאַנגען צוויי הונדערט מאַן פון ירושָלַיִם, מיטגערופענע וואָס זײַנען געגאַנגען אומ־שולדיקערהייט; און זיי האָבן פון קיין זאַך ניט געוווּסט.

12 און אַבשָלום האָט געשיקט נאָך אַחיתופל דעם גילוני, דעם בעל־יועץ פון דודן, פון זײַן שטאָט, פון

גילה, בעת ער האָט געשלאָכט די שלאַכטאָפּפער. און
דער בונט איז געווען שטאַרק, און דאָס פאָלק האָט זיך
געהאַלטן אין איין פאַרמערן אַרום אַבשָלומען.
13 איז געקומען אַן אָנזאָגער צו דודן, אַזוי צו זאָגן:
דאָס האַרץ פון די מענער פון ישראל איז נאָך אַבשָלומען.
14 און דוד האָט געזאָגט צו אַלע זיינע קנעכט וואָס מיט
אים אין ירושָלַים: שטייט אויף, און לאָמיר אַנטלויפן,
וואָרום מיר וועלן ניט האָבן קיין אַנטרינונג פון אַבשָלומען.
אַיילט זיך אַוועקצוגיין, כדי ער זאָל זיך ניט אונטעראַיילן
און אונדז אָניאָגן, און ברענגען אויף אונדז דאָס בייז, און
שלאָגן די שטאָט מיטן שאַרף פון שווערד. 15 האָבן די
קנעכט פון מלך געזאָגט צום מלך: אַזוי ווי אַלץ וואָס מיין
האַר דער מלך וועט אויסדערוויילן! דאָ זיינען דיינע
קנעכט.
16 איז אַרויסגעגאַנגען דער מלך, און זיין גאַנץ הויז־
געזינט נאָך אים. און דער מלך האָט איבערגעלאָזן די
צען קעפּסווייבער צו היטן דאָס הויז. 17 און דער מלך
איז אַרויסגעגאַנגען, און דאָס גאַנצע פאָלק נאָך אים, און
זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין בית־מֶרחק. 18 און אַלע
זיינע קנעכט זיינען אַריבערגעגאַנגען פאַרביי אים; און
אַלע כּרֵתים און אַלע פּלֵתים, און אַלע גִתער, זעקס
הונדערט מאַן וואָס זיינען געקומען הינטער אים פון גַת,
זיינען אַריבערגעגאַנגען פאַרן מלך.

דָּוִד מֵעִירוֹ מִגִּלֹה בְּזָבְחוֹ אֶת־הַזְּבָחִים וַיְהִי הַקֶּשֶׁר אַמִּץ
יג וְהָעָם הוֹלֵךְ וָרָב אֶת־אַבְשָׁלוֹם׃ וַיָּבֹא הַמַּגִּיד אֶל־דָּוִד
יד לֵאמֹר הָיָה לֶב־אִישׁ יִשְׂרָאֵל אַחֲרֵי אַבְשָׁלוֹם׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד
לְכָל־עֲבָדָיו אֲשֶׁר־אִתּוֹ בִירוּשָׁלַםִ קוּמוּ וְנִבְרָחָה כִּי לֹא
תִהְיֶה־לָּנוּ פְלֵיטָה מִפְּנֵי אַבְשָׁלֹם מַהֲרוּ לָלֶכֶת פֶּן־יְמַהֵר
וְהִשִּׂגֵנוּ וְהִדִּיחַ עָלֵינוּ אֶת־הָרָעָה וְהִכָּה הָעִיר לְפִי־
טו חָרֶב׃ וַיֹּאמְרוּ עַבְדֵי־הַמֶּלֶךְ אֶל־הַמֶּלֶךְ כְּכֹל אֲשֶׁר־יִבְחַר
טז אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ הִנֵּה עֲבָדֶיךָ׃ וַיֵּצֵא הַמֶּלֶךְ וְכָל־בֵּיתוֹ בְּרַגְלָיו
וַיַּעֲזֹב הַמֶּלֶךְ אֵת עֶשֶׂר נָשִׁים פִּלַגְשִׁים לִשְׁמֹר הַבָּיִת׃
יז וַיֵּצֵא הַמֶּלֶךְ וְכָל־הָעָם בְּרַגְלָיו וַיַּעַמְדוּ בֵּית הַמֶּרְחָק׃
יח וְכָל־עֲבָדָיו עֹבְרִים עַל־יָדוֹ וְכָל־הַכְּרֵתִי וְכָל־הַפְּלֵתִי וְכָל־
הַגִּתִּים שֵׁשׁ־מֵאוֹת אִישׁ אֲשֶׁר־בָּאוּ בְרַגְלוֹ מִגַּת עֹבְרִים
יט עַל־פְּנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־אִתַּי הַגִּתִּי לָמָּה תֵלֵךְ
גַם־אַתָּה אִתָּנוּ שׁוּב וְשֵׁב עִם־הַמֶּלֶךְ כִּי־נָכְרִי אַתָּה וְגַם־
כ גֹּלֶה אַתָּה לִמְקוֹמֶךָ׃ תְּמוֹל ׀ בּוֹאֶךָ וְהַיּוֹם אֲנִועֲךָ עִמָּנוּ
לָלֶכֶת וַאֲנִי הוֹלֵךְ עַל אֲשֶׁר־אֲנִי הוֹלֵךְ שׁוּב וְהָשֵׁב אֶת־
כא אַחֶיךָ עִמָּךְ חֶסֶד וֶאֱמֶת׃ וַיַּעַן אִתַּי אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמַר
חַי־יְהוָה וְחֵי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ כִּי אִם בִּמְקוֹם אֲשֶׁר יִהְיֶה־
שָּׁם ׀ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אִם־לְמָוֶת אִם־לְחַיִּים כִּי־שָׁם יִהְיֶה
כב עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אִתַּי לֵךְ וַעֲבֹר וַיַּעֲבֹר אִתַּי הַגִּתִּי
כג וְכָל־אֲנָשָׁיו וְכָל־הַטַּף אֲשֶׁר אִתּוֹ׃ וְכָל־הָאָרֶץ בּוֹכִים קוֹל
גָּדוֹל וְכָל־הָעָם עֹבְרִים וְהַמֶּלֶךְ עֹבֵר בְּנַחַל קִדְרוֹן וְכָל־
כד הָעָם עֹבְרִים עַל־פְּנֵי־דֶרֶךְ אֶת־הַמִּדְבָּר׃ וְהִנֵּה גַם־צָדוֹק
וְכָל־הַלְוִיִּם אִתּוֹ נֹשְׂאִים אֶת־אֲרוֹן בְּרִית הָאֱלֹהִים וַיַּצִּקוּ
אֶת־אֲרוֹן הָאֱלֹהִים וַיַּעַל אֶבְיָתָר עַד־תֹּם כָּל־הָעָם לַעֲבוֹר
כה מִן־הָעִיר׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ לְצָדוֹק הָשֵׁב אֶת־אֲרוֹן
הָאֱלֹהִים הָעִיר אִם־אֶמְצָא חֵן בְּעֵינֵי יְהוָה וֶהֱשִׁבַנִי

יד׳ קמץ בז״ק   כ׳ אניעך קרי   כא׳ כתיב ולא ק׳

19 האָט דער מלך געזאָגט צו אִתַּין פון גַת: צוואָס זאָלסט דו אויך גיין מיט אונדז? קער זיך אום, און בלייב
מיט דעם מלך, וואָרום דו ביסט אַ פרעמדער, און אויך ביסטו אַ פאַרטריבענער אין דיין אָרט. 20 ערשט נעכטן
ביסטו געקומען, און היינט זאָל איך דיר מאַכן וואָגלען צו גיין מיט אונדז, בעת איך אַליין גיי וווּהין מיר וועט זיך מאַכן?
קער זיך אום, און קער אום דיינע ברידער מיט דיר אין גענאָד און טרײַשאַפט. 21 האָט אִתַּי געענטפערט דעם מלך
און האָט געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, און אַזוי ווי מיין האַר דער מלך לעבט, אַז בלויז אין דעם אָרט וווּ מיין האַר דער
מלך וועט זיין, סיי צום טויט סיי צום לעבן, נאָר דאָרטן וועט זיין דיין קנעכט! 22 האָט דוד געזאָגט צו אִתַּין: גיי און
צי אַריבער. איז אִתַּי פון גַת אַריבערגעגאַנגען, און אַלע זיינע מענטשן, און אַלע קליינע קינדער וואָס מיט אים.
23 און דאָס גאַנצע לאַנד האָט געוויינט אויף אַ הויכן קול, ווען דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריבערגעגאַנגען; און דער
מלך איז אַריבער דעם טייך קִדרון, און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריבערגעגאַנגען אַקעגן דעם וועג פון מדבר. 24 און
אָט אויך צָדוק און אַלע לֵויִים מיט אים, טראָגנדיק דעם אָרון פון גאָטס בונד. און זיי האָבן אַוועקגעשטעלט דעם אָרון
פון גאָט—אויך אֶביָתר איז אַרויפגעגאַנגען—ביז דאָס גאַנצע פאָלק האָט געענדיקט אַריבערגיין פון שטאָט.
25 האָט דער מלך געזאָגט צו צָדוקן: קער אום דעם אָרון פון גאָט אין שטאָט. אויב איך וועל געפינען לייטזעליקייט

כו והראני אתו ואת־נוהו: ואם כה יאמר לא חפצתי בך
הנני יעשה־לי כאשר טוב בעיניו: כז ויאמר המלך
אל־צדוק הכהן הרואה אתה שבה העיר בשלום
ואחימעץ בנך ויהונתן בן־אביתר שני בניכם אתכם:
כח ראו אנכי מתמהמה בעברות המדבר עד־בוא דבר
כט מעמכם להגיד לי: וישב צדוק ואביתר את־ארון
ל האלהים ירושלם וישבו שם: ודוד עלה במעלה הזיתים
עלה | ובוכה וראש לו חפוי והוא הלך יחף וכל־העם
לא אשר־אתו חפו איש ראשו ועלו עלה ובכה: ודוד הגיד
לאמר אחיתפל בקשרים עם־אבשלום ויאמר דוד סכל־
לב נא את־עצת אחיתפל יהוה: ויהי דוד בא עד־הראש
אשר־ישתחוה שם לאלהים והנה לקראתו חושי
לג הארכי קרוע כתנתו ואדמה על־ראשו: ויאמר לו דוד
לד אם עברת אתי והית עלי למשא: ואם־העיר תשוב
ואמרת לאבשלום עבדך אני המלך אהיה עבד אביך
ואני מאז ועתה ואני עבדך והפרתה לי את עצת
לה אחיתפל: והלוא עמך שם צדוק ואביתר הכהנים
והיה כל־הדבר אשר תשמע מבית המלך תגיד לצדוק
לו ולאביתר הכהנים: הנה־שם עמם שני בניהם אחימעץ
לצדוק ויהונתן לאביתר ושלחתם בידם אלי כל־דבר
לז אשר תשמעו: ויבא חושי רעה דוד העיר ואבשלום
יבוא ירושלם:

טז

א ודוד עבר מעט מהראש והנה ציבא נער מפיבשת
לקראתו וצמד חמרים חבשים ועליהם מאתים לחם
ב ומאה צמוקים ומאה קיץ ונבל יין: ויאמר המלך אל־
ציבא מה־אלה לך ויאמר ציבא החמורים לבית־המלך

טו, כח׳ בעברות קרי לג׳ כצ״ל

אין די אויגן פון גאָט, וועט ער מיך אומקערן, און וועט מיך לאָזן זען אים און זיין וווינונג. 26 און אויב ער וועט אַזוי זאָגן: „איך וויל דיך ניט", דאָ בין איך, זאָל ער טאָן מיט מיר אַזוי ווי עס איז גוט אין זיינע אויגן. 27 און דער מלך האָט געזאָגט צו צָדוק דעם כהן: זעסטו, קער זיך אום בשלום אין שטאָט, און אַחימַעַץ דיין זון און יהוֹנָתָן דער זון פון אֶביָתָרן, אײַערע ביידנס זין, מיט אײַך. 28 זעט, איך וועל זיך אויפהאַלטן אין די פלוינען פון מדבר, ביז עס קומט פון אײַך אַ וואָרט מיר אָנצוזאָגן.

29 און צָדוק און אֶביָתָר האָבן אומגעקערט דעם אָרון פון גאָט קיין ירושָלַיִם, און זיי זיינען דאָרטן געבליבן. 30 און דוד איז אַרויפגעגאַנגען מיט דעם אַרויפגאַנג פון הַר־הַזֵיתים, אַרויפגעגאַנגען און געוויינט, און זיין קאָפּ איז געווען פאַרדעקט, און ער איז געגאַנגען באָרוועס; און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים האָבן פאַרדעקט איטלעכער זיין קאָפּ, און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען, און אַרויפגייענדיק געוויינט.

31 האָט מען דערציילט דודן, אַזוי צו זאָגן: אַחיתוֹפֶל איז צווישן די וואָס בונטעווען זיך מיט אַבשָלומען. און דוד האָט געזאָגט: איך בעט דיך, גאָט, באַנאַריש די עצה פון אַחיתוֹפֶלן.

32 און עס איז געווען, ווי דוד איז געקומען ביז דעם שפּיץ וואָס מע בוקט זיך דאָרטן צו גאָט, ערשט אים קומט אָנטקעגן חושַי דער אַרכּי, מיט זיין העמדל צעריסן, און ערד אויף זיין קאָפּ. 33 האָט דוד צו אים געזאָגט: אַז דו גייסט אַריבער מיט מיר, וועסטו זיין אויף מיר אַ לאַסט. 34 אָבער אַז דו וועסט זיך אין שטאָט אומקערן, און וועסט זאָגן צו אַבשָלומען: „איך וועל זיין דיין קנעכט, מלך; דיין פאָטערס קנעכט בין איך געווען פון אַמאָל אָן, און אַצונד בין איך דיין קנעכט", וועסטו מיר פאַרשטערן די עצה פון אַחיתוֹפֶלן. 35 און מיט דיר זיינען דאָך דאָרטן צָדוק און אֶביָתָר די כהנים; איז, איטלעך וואָרט וואָס דו וועסט הערן פון מלכס הויז, זאָלסטו דערציילן צָדוק און אֶביָתָר די כהנים. 36 זע, דאָרטן זיינען דאָ מיט זיי זייערע ביידנס זין, אַחימַעַץ צָדוקס און יהוֹנָתָן אֶביָתָרס, וועט איר דורך זיי מיר צושיקן איטלעך וואָרט וואָס איר וועט הערן.

37 און חושַי, דודס גוטער פריינט, איז געקומען אין שטאָט, ווען אַבשָלום האָט געזאָלט אָנקומען אין ירושָלַיִם.

# טז

1 און ווי דוד איז געווען אַ ביסל אַוועקגעגאַנגען פון שפּיץ, ערשט ציבאָ דער יונג פון מפיבושֶתן קומט אים אַנט־קעגן מיט אַ פּאָר געזאָטלטע אייזלען, און אויף זיי צוויי הונדערט ברויטן, און הונדערט בינטלעך ראָזינקעס, און הונדערט בינטלעך זומעראויבס, און אַ לאָגל וויין.

2 האָט דער מלך געזאָגט צו ציבאָן: צו וואָס זיינען דידאָזיקע ביי דיר? האָט ציבאָ געזאָגט: די אייזלען פאַר דעם

לִרְכּוֹב וּלְהַלֶּחֶם וְהַקַּיִץ לֶאֱכוֹל הַנְּעָרִים וְהַיַּיִן לִשְׁתּוֹת
ג הַיָּעֵף בַּמִּדְבָּר׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ וְאַיֵּה בֶּן־אֲדֹנֶיךָ וַיֹּאמֶר
צִיבָא אֶל־הַמֶּלֶךְ הִנֵּה יוֹשֵׁב בִּירוּשָׁלַ͏ִם כִּי אָמַר הַיּוֹם
ד יָשִׁיבוּ לִי בֵּית יִשְׂרָאֵל אֵת מַמְלְכוּת אָבִי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
לְצִבָא הִנֵּה לְךָ כֹּל אֲשֶׁר לִמְפִי־בֹשֶׁת וַיֹּאמֶר צִיבָא
ה הִשְׁתַּחֲוֵיתִי אֶמְצָא־חֵן בְּעֵינֶיךָ אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וּבָא הַמֶּלֶךְ
דָּוִד עַד־בַּחוּרִים וְהִנֵּה מִשָּׁם אִישׁ יוֹצֵא מִמִּשְׁפַּחַת בֵּית־
ו שָׁאוּל וּשְׁמוֹ שִׁמְעִי בֶן־גֵּרָא יֹצֵא יָצוֹא וּמְקַלֵּל׃ וַיְסַקֵּל
בָּאֲבָנִים אֶת־דָּוִד וְאֶת־כׇּל־עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ דָּוִד וְכׇל־הָעָם
ז וְכׇל־הַגִּבֹּרִים מִימִינוֹ וּמִשְּׂמֹאלוֹ׃ וְכֹה־אָמַר שִׁמְעִי בְּקַלְלוֹ
ח צֵא צֵא אִישׁ הַדָּמִים וְאִישׁ הַבְּלִיָּעַל׃ הֵשִׁיב עָלֶיךָ יְהוָה
כֹּל ׀ דְּמֵי בֵית־שָׁאוּל אֲשֶׁר מָלַכְתָּ תַּחְתָּו וַיִּתֵּן יְהוָה אֶת־
הַמְּלוּכָה בְּיַד אַבְשָׁלוֹם בְּנֶךָ וְהִנְּךָ בְּרָעָתֶךָ כִּי אִישׁ דָּמִים
ט אָתָּה׃ וַיֹּאמֶר אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה אֶל־הַמֶּלֶךְ לָמָּה יְקַלֵּל
הַכֶּלֶב הַמֵּת הַזֶּה אֶת־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אֶעְבְּרָה־נָּא וְאָסִירָה
י אֶת־רֹאשׁוֹ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ מַה־לִּי וְלָכֶם בְּנֵי צְרֻיָה כִּי
יְקַלֵּל וְכִי יְהוָה אָמַר לוֹ קַלֵּל אֶת־דָּוִד וּמִי יֹאמַר מַדּוּעַ
יא עָשִׂיתָה כֵּן׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־אֲבִישַׁי וְאֶל־כׇּל־עֲבָדָיו הִנֵּה
בְנִי אֲשֶׁר־יָצָא מִמֵּעַי מְבַקֵּשׁ אֶת־נַפְשִׁי וְאַף כִּי־עַתָּה בֶּן־
יב הַיְמִינִי הַנִּחוּ לוֹ וִיקַלֵּל כִּי־אָמַר לוֹ יְהוָה׃ אוּלַי יִרְאֶה
יְהוָה בְּעֵונִי וְהֵשִׁיב יְהוָה לִי טוֹבָה תַּחַת קִלְלָתוֹ הַיּוֹם
יג הַזֶּה׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִד וַאֲנָשָׁיו בַּדָּרֶךְ וְשִׁמְעִי
הֹלֵךְ בְּצֵלַע הָהָר לְעֻמָּתוֹ הָלוֹךְ וַיְקַלֵּל וַיְסַקֵּל בָּאֲבָנִים
יד לְעֻמָּתוֹ וְעִפַּר בֶּעָפָר׃ וַיָּבֹא הַמֶּלֶךְ וְכׇל־הָעָם
טו אֲשֶׁר־אִתּוֹ עֲיֵפִים וַיִּנָּפֵשׁ שָׁם׃ וְאַבְשָׁלוֹם וְכׇל־הָעָם אִישׁ
טז יִשְׂרָאֵל בָּאוּ יְרוּשָׁלָ͏ִם וַאֲחִיתֹפֶל אִתּוֹ׃ וַיְהִי כַּאֲשֶׁר־בָּא
חוּשַׁי הָאַרְכִּי רֵעֶה דָוִד אֶל־אַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר חוּשַׁי אֶל־

ב׳ והלחם ק׳ ח׳ תחתיו ק׳ י׳ כה ק׳ כי ק׳ יב׳ בעיני ק׳ יג׳ פסקא באמצע פסוק

מלכס הויזגעזינט צום רייטן, און דאָס ברויט און די זומער־
אויבס פֿאַר די יונגען צום עסן, און דער וויין צום טרינקען
פֿאַר דעם פֿאַרשמאַכטן אין מדבר. 3 האָט דער מלך גע־
זאָגט: און ווו איז דיין האַרס זון? האָט ציבאָ געזאָגט צום
מלך: אָן איז ער געבליבן אין ירושָלַיִם, וואָרום ער האָט
געזאָגט: היינט וועט מיר דאָס הויז פֿון ישראל אומקערן
די מלוכה פֿון מיין פֿאָטער. 4 האָט דער מלך געזאָגט צו
ציבאָן: זע, אַלצדינג וואָס געהערט צו מפיבושתן איז
דיינס. האָט ציבאָ געזאָגט: איך בוק זיך; לאָמיך געפֿינען
לייטזעליקייט אין דיינע אויגן, מיין האַר מלך.

5 און ווי דער מלך דוד איז געקומען ביז בַחורים,
ערשט פֿון דאָרטן גייט אַרויס אַ מאַן פֿון דער משפּחה פֿון
שָאולס הויז, וואָס זיין נאָמען איז געווען שִמעִי דער זון פֿון
גֵראָן–גייט און שילט גייענדיק. 6 און ער האָט געוואָרפֿן
מיט שטיינער אויף דודן, און אויף אַלע קנעכט פֿון מלך
דודן; און דאָס גאַנצע פֿאָלק און אַלע גיבורים זיינען גע־
ווען פֿון זיין רעכטער זייט און פֿון זיין לינקער. 7 און אַזוי
האָט שִמעִי געזאָגט, ווען ער האָט געשאָלטן: גיי אַרויס, גיי
אַרויס בלוטיקער מענטש און נידערטרעכטיקער מענטש.
8 גאָט האָט אומגעקערט אויף דיר אַלדאָס בלוט פֿון דעם
הויז פֿון שָאולן, וואָס דו ביסט געוואָרן מלך אויף זיין אָרט,
און גאָט האָט געגעבן די מלוכה אין דער האַנט פֿון דיין
זון אַבשָלומען. און אָט ביסטו אין דיין אומגליק, ווייל אַ
בלוטיקער מענטש ביסטו.

9 האָט אַבישַי דער זון פֿון צרויָהן געזאָגט צום מלך: פֿאַרוואָס זאָל דערדאָזיקער טויטער הונט שילטן מיין
האַר דעם מלך? לאָמיך, איך בעט דיך, אַריבערגיין, און איך וועל אים דעם קאָפּ אַראָפּנעמען. 10 האָט דער מלך
געזאָגט: וואָס קער איך זיך אָן מיט אייך, זין פֿון צרויָהן? אויב ער שילט, איז דאָס ווייל גאָט האָט אים געהייסן: שילט
דודן; און ווער קען זאָגן: פֿאַרוואָס טוסטו אַזוי?

11 און דוד האָט געזאָגט צו אַבישַין און צו אַלע זיינע קנעכט: זע, מיין זון וואָס איז אַרויס פֿון מיינע אינגעווייד זוכט
מיין לעבן, היינט ווי שוין אַצונד דער בִנימינער? לאָזט אים, און זאָל ער שילטן, וואָרום גאָט האָט אים געהייסן. 12 אפשר
וועט גאָט זען מיין אויג, און גאָט וועט מיר אומקערן גוטס פֿאַר זיין קללהן היינטיקן טאָג.

13 און דוד און זיינע מענטשן זיינען געגאַנגען אויפֿן וועג, און שִמעִי איז געגאַנגען ביין זייט באַרג אַקעגן אים, געגאַנגען
און געשאָלטן, און געוואָרפֿן מיט שטיינער אַקעגן אים, און געשאָטן מיט שטויב.

14 און דער מלך און דאָס גאַנצע פֿאָלק וואָס מיט אים זיינען אָנגעקומען מידע; און ער האָט זיך אָפּגערוט דאָרטן.

15 און אַבשָלום און דאָס גאַנצע פֿאָלק, די מענער פֿון ישראל, זיינען אָנגעקומען קיין ירושָלַיִם, און אַחיתופֿל מיט
אים.

16 און עס איז געווען, אַז חושַי דער אַרכִי, דודס גוטער פֿריינט, איז געקומען צו אַבשָלומען, האָט חושַי געזאָגט צו

אַבְשָׁלוֹם יְחִי הַמֶּלֶךְ יְחִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם אֶל־ יז
חוּשַׁי זֶה חַסְדְּךָ אֶת־רֵעֶךָ לָמָּה לֹא־הָלַכְתָּ אֶת־רֵעֶךָ׃
וַיֹּאמֶר חוּשַׁי אֶל־אַבְשָׁלֹם לֹא כִּי אֲשֶׁר בָּחַר יְהוָה וְהָעָם יח
הַזֶּה וְכָל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל לֹא אֶהְיֶה וְאִתּוֹ אֵשֵׁב׃ וְהַשֵּׁנִית יט
לְמִי אֲנִי אֶעֱבֹד הֲלוֹא לִפְנֵי בְנוֹ כַּאֲשֶׁר עָבַדְתִּי לִפְנֵי אָבִיךָ
כֵּן אֶהְיֶה לְפָנֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם אֶל־אֲחִיתֹפֶל הָבוּ כ
לָכֶם עֵצָה מַה־נַּעֲשֶׂה׃ וַיֹּאמֶר אֲחִיתֹפֶל אֶל־אַבְשָׁלֹם בּוֹא כא
אֶל־פִּלַגְשֵׁי אָבִיךָ אֲשֶׁר הִנִּיחַ לִשְׁמוֹר הַבָּיִת וְשָׁמַע כָּל־
יִשְׂרָאֵל כִּי־נִבְאַשְׁתָּ אֶת־אָבִיךָ וְחָזְקוּ יְדֵי כָּל־אֲשֶׁר אִתָּךְ׃
וַיַּטּוּ לְאַבְשָׁלוֹם הָאֹהֶל עַל־הַגָּג וַיָּבֹא אַבְשָׁלוֹם אֶל־פִּלַגְשֵׁי כב
אָבִיו לְעֵינֵי כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וַעֲצַת אֲחִיתֹפֶל אֲשֶׁר יָעַץ בַּיָּמִים כג
הָהֵם כַּאֲשֶׁר יִשְׁאַל־* בִּדְבַר הָאֱלֹהִים כֵּן כָּל־עֲצַת
אֲחִיתֹפֶל גַּם־לְדָוִד גַּם־לְאַבְשָׁלֹם׃

יז

וַיֹּאמֶר אֲחִיתֹפֶל אֶל־אַבְשָׁלֹם אֶבְחֲרָה־נָּא שְׁנֵים־עָשָׂר א
אֶלֶף אִישׁ וְאָקוּמָה וְאֶרְדְּפָה אַחֲרֵי־דָוִד הַלָּיְלָה׃ וְאָבוֹא ב
עָלָיו וְהוּא יָגֵעַ וּרְפֵה יָדַיִם וְהַחֲרַדְתִּי אֹתוֹ וְנָס כָּל־
הָעָם אֲשֶׁר־אִתּוֹ וְהִכֵּיתִי אֶת־הַמֶּלֶךְ לְבַדּוֹ׃ וְאָשִׁיבָה כָל־ ג
הָעָם אֵלֶיךָ כְּשׁוּב הַכֹּל הָאִישׁ אֲשֶׁר אַתָּה מְבַקֵּשׁ כָּל־
הָעָם יִהְיֶה שָׁלוֹם׃ וַיִּישַׁר הַדָּבָר בְּעֵינֵי אַבְשָׁלֹם וּבְעֵינֵי ד
כָּל־זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם קְרָא נָא גַּם ה
לְחוּשַׁי הָאַרְכִּי וְנִשְׁמְעָה מַה־בְּפִיו גַּם־הוּא׃ וַיָּבֹא חוּשַׁי ו
אֶל־אַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם אֵלָיו לֵאמֹר כַּדָּבָר הַזֶּה
דִּבֶּר אֲחִיתֹפֶל הֲנַעֲשֶׂה אֶת־דְּבָרוֹ אִם־אַיִן אַתָּה דַבֵּר׃
וַיֹּאמֶר חוּשַׁי אֶל־אַבְשָׁלוֹם לֹא־טוֹבָה הָעֵצָה אֲשֶׁר־ ז
יָעַץ אֲחִיתֹפֶל בַּפַּעַם הַזֹּאת׃ וַיֹּאמֶר חוּשַׁי אַתָּה יָדַעְתָּ ח
אֶת־אָבִיךָ וְאֶת־אֲנָשָׁיו כִּי גִבֹּרִים הֵמָּה וּמָרֵי נֶפֶשׁ הֵמָּה

טז, יח׳ לו קרי   כג׳ איש קרי ולא כתיב

אַבשָׁלומען: לעבן זאָל דער מלך! לעבן זאָל דער מלך!
17 האָט אַבשָׁלום געזאָגט צו חושַין: איז דאָס דיין גינציקייט צו דיין גוטן פריינט? פאַרוואָס ביסטו ניט געגאַנגען מיט דיין גוטן פריינט? 18 האָט חושַי געזאָגט צו אַבשָׁלומען: ניין! נייערט וועמען גאָט און דאָסדאָזיקע פאָלק און אַלע מענער פון ישׂראל האָבן אויסדערוויילט, צו אים געהער איך, און מיט אים וויל איך בלייבן. 19 און צווייטנס, וועמען וועל איך דינען? דאָך בײַ זיין זון; אַזוי ווי איך האָב געדינט בײַ דיין פאָטער, אַזוי וועל איך זיין בײַ דיר.

20 און אַבשָׁלום האָט געזאָגט צו אַחיתופֶלן: גיט אַייער עצה וואָס מיר זאָלן טאָן. 21 האָט אַחיתופֶל געזאָגט צו אַבשָׁלומען: קום צו די קעפּסווייבער פון דיין פאָטער, וואָס ער האָט געלאָזן צו היטן דאָס הויז. און אַז גאַנץ ישׂראל וועט הערן, אַז דו האָסט זיך פאַרמיאוסט בײַ דיין פאָטער, אַזוי וועלן שטאַרק ווערן די הענט פון אַלע וואָס מיט דיר.

22 האָט מען פאַרשפּרייט אַ געצעלט פאַר אַבשָׁלומען אויפן דאַך, און אַבשָׁלום איז געקומען צו די קעפּסווייבער פון זיין פאָטער פאַר די אויגן פון גאַנץ ישׂראל.

23 און אַן עצה וואָס אַחיתופֶל האָט געעֵצהט, איז אין יענע טעג געווען אַזוי ווי אַ מענטש זאָל פרעגן בײַ דעם וואָרט פון גאָט. אַזוי איז געווען איטלעכע עצה פון אַחיתופֶלן סיי בײַ דודן סיי בײַ אַבשָׁלומען.

יז 1 און אַחיתופֶל האָט געזאָגט צו אַבשָׁלומען: לאָמיך אַקאָרשט אויסקלייבן צוועלף טויזנט מאַן, און איך וועל אויפשטיין, און וועל נאָכיאָגן דודן די נאַכט. 2 און איך וועל קומען אויף אים ווען ער איז מיד און אָפּהענטיק, און וועל אים דערשרעקן, און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים וועט אַנטלויפן, און איך וועל דערשלאָגן דעם מלך אַליין; 3 און איך וועל אומקערן צו דיר דאָס גאַנצע פאָלק. אַז אַלע וועלן זיך אומקערן [אַחוץ] דער מאַן וואָס דו זוכסט, וועט דאָס גאַנצע פאָלק זיין אין פריד.

4 איז די זאַך געווען גלייך אין די אויגן פון אַבשָׁלומען, און אין די אויגן פון אַלע עלטסטע פון ישׂראל. 5 און אַבשָׁלום האָט געזאָגט: רוף אויך, איך בעט דיך, חושַי דעם אַרכּי, און לאָמיר הערן אויך וואָס אין זיין מויל.

6 איז געקומען חושַי צו אַבשָׁלומען, און אַבשָׁלום האָט צו אים געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: אַזוי ווי דאָסדאָזיקע וואָרט האָט אַחיתופֶל גערעדט. זאָלן מיר טאָן לויט זיין וואָרט אָדער ניט? רעד דו. 7 האָט חושַי געזאָגט צו אַבשָׁלומען: ניט גוט איז די עצה וואָס אַחיתופֶל עצהט דאָס מאָל. 8 און חושַי האָט געזאָגט: דו קענסט דיין פאָטער און זיינע מענטשן, אַז זיי זיינען

גיבּורים, און זיי זיינען פאַרביטערט אין געמיט, אַזוי ווי אַ בערינטע אין פעלד באַרויבט פון אירע יונגע; אויך איז דיין פאָטער אַ מאַן פון מלחמה, און ער וועט ניט נעכטיקן מיטן פאָלק. [9] אָט איז ער אַצונד באַהאַלטן אין איינער פון די גריבער, אָדער אין איינעם פון די ערטער; און עס וועט זיין, אַז עמיצער וועט אין זיי אַריינפאַלן אין אָנהייב, און אַ הערער וועט הערן, וועט ער זאָגן: אַ מפּלה איז געווען צווישן דעם פאָלק וואָס הינטער אַבשָלומען. [10] און אַפילו דער וואָס איז אַ העלדישער יונג, וואָס זיין האַרץ איז אַזוי ווי דאָס האַרץ פון אַ לייב, וועט אין גאַנצן צע־גאַנגען ווערן, וואָרום גאַנץ ישׂראל ווייס אַז דיין פאָטער איז אַ גיבּור, און די וואָס מיט אים זיינען העלדישע יונגען. [11] אָבער איך עצה אַז איינגעזאַמלט זאָל אַיינגעזאַמלט ווערן גאַנץ ישׂראל אַרום דיר, פון דָן און ביז באֵר־שֶבַע, אַזוי ווי דער זאַמד וואָס ביים ים אין פילקייט, און דו אַליין זאָלסט גיין אין מלחמה. [12] און אַז מיר וועלן קומען אויף אים אין איינעם פון די ערטער וואָס ער געפינט זיך דאָרטן, וועלן מיר זיך אַראָפּלאָזן אויף אים, אַזוי ווי עס פאַלט דער טוי אויף דער ערד; און פון אים און פון אַלע מענטשן וואָס מיט אים, וועט אַפילו איינער ניט בלייבן. [13] און אַז ער וועט זיך אַריינקלייבן אין שטאָט, וועלן גאַנץ ישׂראל לאָזן אַרויפטראָגן צו יענער שטאָט שטריק, און מיר וועלן עס אַראָפּשלעפּן אין טאָל, ביז דאָרטן וועט זיך אַפילו אַ שטיינדל ניט געפינען.

[14] האָט געזאָגט אַבשָלום און אַלע מענער פון ישׂראל: די עצה פון חוּשַי דעם אַרכּי איז בעסער ווי די עצה פון אַחיתוּפֶלן. וואָרום גאָט האָט באַשערט צו פאַרשטערן די גוטע עצה פון אַחיתוּפֶלן, כּדי גאָט זאָל ברענגען דאָס בייז אויף אַבשָלומען.

[15] און חוּשַי האָט געזאָגט צו צָדוק און צו אֶביָתָר די כּהנים: אַזוי און אַזוי האָט אַחיתוּפֶל געעצהט אַבשָלומען און די עלטסטע פון ישׂראל, און אַזוי און אַזוי האָב איך געעצהט. [16] און אַצונד, שיקט אויף גיך און זאָגט אָן דודן, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט נעכטיקן די נאַכט אין די פּלוינען פון מדבר, נאָר אַריבערגיין מוזטו אַריבערגיין, כּדי דער מלך און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים זאָלן ניט אומגעבראַכט ווערן.

[17] און יהוֹנָתָן און אַחימַעַץ זיינען געשטאַנען אין עֵין־רוגֵל, און אַ דינסט פלעגט גיין און זיי דערציילן, און זיי פלעגן גיין און דערציילן דעם מלך דודן; וואָרום זיי האָבן זיך ניט געטאָרט ווייזן אַריינצוקומען אין שטאָט.

[18] האָט זיי אַ ייִנגל דערזען, און ער האָט דערציילט אַבשָלומען. זיינען זיי ביידע אויף גיך אַוועק, און זיינען גע־קומען צו דעם הויז פון אַ מאַן אין בַּחורים; און ער האָט געהאַט אַ ברונעם אין זיין הויף, האָבן זיי אַראָפּגענידערט אַהין. [19] און די פרוי האָט גענומען און האָט אַריבערגעשפּרייט אַ דעקע איבער דער עפענונג פון ברונעם, און האָט אויס־געשפּרייט דערויף גריץ, און קיין זאַך איז ניט געווען קאָנטיק. [20] און אַבשָלומס קנעכט זיינען געקומען צו דער

כְּלֶב שַׁכּוּל בַּשָּׂדֶה וְאָבִיךָ אִישׁ מִלְחָמָה וְלֹא יָלִין אֶת־
ט הָעָם׃ הִנֵּה עַתָּה הוּא־נֶחְבָּא בְּאַחַת הַפְּחָתִים אוֹ בְּאַחַד
הַמְּקוֹמֹת וְהָיָה כִּנְפֹל בָּהֶם בַּתְּחִלָּה וְשָׁמַע הַשֹּׁמֵעַ וְאָמַר
י הָיְתָה מַגֵּפָה בָּעָם אֲשֶׁר אַחֲרֵי אַבְשָׁלֹם׃ וְהוּא גַם־בֶּן־
חַיִל אֲשֶׁר לִבּוֹ כְּלֵב הָאַרְיֵה הִמֵּס יִמָּס כִּי־יֹדֵעַ כָּל־
יא יִשְׂרָאֵל כִּי־גִבּוֹר אָבִיךָ וּבְנֵי־חַיִל אֲשֶׁר אִתּוֹ׃ כִּי יָעַצְתִּי
הֵאָסֹף יֵאָסֵף עָלֶיךָ כָל־יִשְׂרָאֵל מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שֶׁבַע
יב כַּחוֹל אֲשֶׁר־עַל־הַיָּם לָרֹב וּפָנֶיךָ הֹלְכִים בַּקְרָב׃ וּבָאנוּ
אֵלָיו בְּאַחַת הַמְּקוֹמֹת אֲשֶׁר נִמְצָא שָׁם וְנַחְנוּ עָלָיו כַּאֲשֶׁר
יִפֹּל הַטַּל עַל־הָאֲדָמָה וְלֹא־נוֹתַר בּוֹ וּבְכָל־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־
יג אִתּוֹ גַּם־אֶחָד׃ וְאִם־אֶל־עִיר יֵאָסֵף וְהִשִּׂיאוּ כָל־יִשְׂרָאֵל
אֶל־הָעִיר הַהִיא חֲבָלִים וְסָחַבְנוּ אֹתוֹ עַד־הַנַּחַל עַד אֲשֶׁר־
יד לֹא־נִמְצָא שָׁם גַּם־צְרוֹר׃ וַיֹּאמֶר אַבְשָׁלוֹם וְכָל־אִישׁ
יִשְׂרָאֵל טוֹבָה עֲצַת חוּשַׁי הָאַרְכִּי מֵעֲצַת אֲחִיתֹפֶל
וַיהוָה צִוָּה לְהָפֵר אֶת־עֲצַת אֲחִיתֹפֶל הַטּוֹבָה לְבַעֲבוּר
טו הָבִיא יְהוָה אֶל־אַבְשָׁלוֹם אֶת־הָרָעָה׃ וַיֹּאמֶר חוּשַׁי
אֶל־צָדוֹק וְאֶל־אֶבְיָתָר הַכֹּהֲנִים כָּזֹאת וְכָזֹאת יָעַץ אֲחִיתֹפֶל
אֶת־אַבְשָׁלֹם וְאֵת זִקְנֵי יִשְׂרָאֵל וְכָזֹאת וְכָזֹאת יָעַצְתִּי אָנִי׃
טז וְעַתָּה שִׁלְחוּ מְהֵרָה וְהַגִּידוּ לְדָוִד לֵאמֹר אַל־תָּלֶן הַלַּיְלָה
בְּעַרְבוֹת הַמִּדְבָּר וְגַם עָבוֹר תַּעֲבוֹר פֶּן יְבֻלַּע לַמֶּלֶךְ
יז וּלְכָל־הָעָם אֲשֶׁר אִתּוֹ׃ וִיהוֹנָתָן וַאֲחִימַעַץ עֹמְדִים בְּעֵין־
רֹגֵל וְהָלְכָה הַשִּׁפְחָה וְהִגִּידָה לָהֶם וְהֵם יֵלְכוּ וְהִגִּידוּ
יח לַמֶּלֶךְ דָּוִד כִּי לֹא יוּכְלוּ לְהֵרָאוֹת לָבוֹא הָעִירָה׃ וַיַּרְא
אֹתָם נַעַר וַיַּגֵּד לְאַבְשָׁלֹם וַיֵּלְכוּ שְׁנֵיהֶם מְהֵרָה וַיָּבֹאוּ ׀
אֶל־בֵּית־אִישׁ בְּבַחֻרִים וְלוֹ בְאֵר בַּחֲצֵרוֹ וַיֵּרְדוּ שָׁם׃
יט וַתִּקַּח הָאִשָּׁה וַתִּפְרֹשׂ אֶת־הַמָּסָךְ עַל־פְּנֵי הַבְּאֵר וַתִּשְׁטַח
כ עָלָיו הָרִפוֹת וְלֹא נוֹדַע דָּבָר׃ וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי אַבְשָׁלוֹם אֶל־

יב׳ באחד ק    מלעיל    יד׳ פסקא באמצע פסוק    כ״א על    יט׳ סבירין פי

האשה הביתה ויאמרו איה אחימעץ ויהונתן ותאמר
להם האשה עברו מיכל המים ויבקשו ולא מצאו וישבו
ירושלם: ויהי ׀ אחרי לכתם ויעלו מהבאר וילכו כא
ויגדו למלך דוד ויאמרו אל־דוד קומו ועברו מהרה
את־המים כי־ככה יעץ עליכם אחיתפל: ויקם דוד כב
וכל־העם אשר אתו ויעברו את־הירדן עד־אור הבקר
עד־אחד לא נעדר אשר לא־עבר את־הירדן: ואחיתפל כג
ראה כי לא נעשתה עצתו ויחבש את־החמור ויקם וילך
אל־ביתו אל־עירו ויצו אל־ביתו ויחנק וימת ויקבר בקבר
אביו: ודוד בא מחנימה ואבשלם עבר את־ כד
הירדן הוא וכל־איש ישראל עמו: ואת־עמשא שם כה
אבשלם תחת יואב על־הצבא ועמשא בן־איש ושמו
יתרא הישראלי אשר־בא אל־אביגל בת־נחש אחות
צרויה אם יואב: ויחן ישראל ואבשלם ארץ הגלעד: כו
ויהי כבוא דוד מחנימה ושבי בן־נחש מרבת כז
בני־עמון ומכיר בן־עמיאל מלא דבר וברזלי הגלעדי
מרגלים: משכב וספות וכלי יוצר וחטים ושערים וקמח כח
וקלי ופול ועדשים וקלי: ודבש וחמאה וצאן ושפות כט
בקר הגישו לדוד ולעם אשר־אתו לאכול כי אמרו העם
רעב ועיף וצמא במדבר:

יח

ויפקד דוד את־העם אשר אתו וישם עליהם שרי אלפים א
ושרי מאות: וישלח דוד את־העם השלשית ביד־יואב ב
והשלשית ביד אבישי בן־צרויה אחי יואב והשלשת
ביד אתי הגתי ויאמר המלך אל־העם יצא
אצא גם־אני עמכם: ויאמר העם לא תצא כי אם־נס ג
ננוס לא־ישימו אלינו לב ואם־ימתו חצינו לא־ישימו

יז, כ׳ כב׳ קמץ בז״ק יח, ב׳ פסקא באמצע פסוק

פרוי אין הויז, און האָבן געזאָגט: ווו זיינען אַחימַעַץ און יהוֹנָתָן? האָט די פרוי צו זיי געזאָגט: זיי זיינען אַריבער־געגאַנגען דעם וואַסערשטראָם. האָבן זיי געזוכט, און האָבן ניט געפונען; און זיי האָבן זיך אומגעקערט קיין ירושָלַיִם.

[21] און עס איז געווען נאָך זייער אַוועקגיין, זיינען זיי אַרויפגעקומען פון ברונעם, און זיינען געגאַנגען און האָבן דערציילט דעם מלך דודן, און זיי האָבן געזאָגט צו דודן: שטייט אויף און גייט אַריבער אויף גיך דעם וואַסער, וואָרום אַזוי האָט אַחיתוֹפֶל געעצהט אַקעגן אייך.

[22] איז אויפגעשטאַנען דוד און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט אים, און זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדֵן; ביזן ליכט פון פרימאָרגן האָט צומאָל איינער ניט גע־פעלט וואָס איז ניט אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדֵן.

[23] און אַחיתוֹפֶל האָט געזען אַז זיין עצה איז ניט גע־טאָן געוואָרן, און ער האָט אָנגעזאָטלט דעם אייזל, און איז אויפגעשטאַנען, און איז אַוועק צו זיין הויז, צו זיין שטאָט, און ער האָט געזאָגט זיין צַוָאָה צו זיין הויזגעזינט, און האָט זיך אויפגעהאַנגען; און ער איז געשטאָרבן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין דעם קבר פון זיין פאָטער.

[24] און דוד איז אָנגעקומען קיין מַחנַיִם; און אַבשָלום איז אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדֵן, ער און אַלע מענער פון ישראל וואָס מיט אים. [25] און עַמָשָאן האָט אַבשָלום אויפ־געזעצט אויף יוֹאָבס אָרט איבערן חיל. און עַמָשָא איז געווען דער זון פון אַ מאַן מיטן נאָמען יִתרָא דער יִשרְאֵלי, וואָס איז געקומען צו אַביגַל דער טאָכטער פון נָחָש, אַ שוועסטער פון צרויָה, יוֹאָבס מוטער. [26] און ישראל און אַבשָלום האָבן געלאַגערט אין לאַנד גִלעָד.

[27] און עס איז געווען, ווי דוד איז אָנגעקומען קיין מַחנַיִם, אַזוי [האָט] שוֹבִי דער זון פון נָחָש, פון רַבָּה פון די קינדער פון עַמוֹן, און מָכִיר דער זון פון עַמיאֵלן, פון לוֹ־דְבָר, און בַּרזִלַי דער גִלעָדער פון רוֹגלים, [28] געבראַכט בעט־געוואַנט, און בעקנס, און ליימענע כלים, און ווייץ און גערשטן, און מעל, און געברענטע זאַנגען, און בעבלעך, און לינדזן, און געברענטע אַרבעס, [29] און האָניק, און שמאַנט, און שאָף, און רינדערנע קעז, פאַר דודן און פאַר דעם פאָלק וואָס מיט אים, צום עסן; וואָרום זיי האָבן געזאָגט: דאָס פאָלק איז הונגעריק און מיד און דאָרשטיק אין דער מדבר.

יח [1] און דוד האָט איבערגעציילט דאָס פאָלק וואָס מיט אים, און ער האָט געמאַכט איבער זיי הויפטלייט פון טויזנט און הויפטלייט פון הונדערט. [2] און דוד האָט געשיקט דאָס פאָלק, אַ דריטל אונטער דער האַנט פון יוֹאָבן, און אַ דריטל אונטער דער האַנט פון אַבִישַי דעם זון פון צרויָהן, יוֹאָבס ברודער, און אַ דריטל אונטער דער האַנט פון אִתַּין פון גַת. און דער מלך האָט געזאָגט צום פאָלק: אַרויסגיין וועל איך אויך אַרויס־גיין מיט אייך. [3] האָט דאָס פאָלק געזאָגט: זאָלסט ניט אַרויסגיין; וואָרום אויב אַנטלויפן וועלן מיר אַנטלויפן, וועט מען אויף אונדז ניט לייגן קיין אַכט, און אַפילו אַ העלפט פון אונדז זאָלן אומקומען, וועט מען אויף אונדז ניט לייגן

אֵלֵינוּ לֵב כִּי־עַתָּה כָמֹנוּ עֲשָׂרָה אֲלָפִים וְעַתָּה טוֹב כִּי־
ד תִהְיֶה־לָּנוּ מֵעִיר לַעְזִיר׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־
יִיטַב בְּעֵינֵיכֶם אֶעֱשֶׂה וַיַּעֲמֹד הַמֶּלֶךְ אֶל־יַד הַשַּׁעַר וְכָל־
ה הָעָם יָצְאוּ לְמֵאוֹת וְלַאֲלָפִים׃ וַיְצַו הַמֶּלֶךְ אֶת־יוֹאָב
וְאֶת־אֲבִישַׁי וְאֶת־אִתַּי לֵאמֹר לְאַט־לִי לַנַּעַר לְאַבְשָׁלוֹם
וְכָל־הָעָם שָׁמְעוּ בְּצַוֺּת הַמֶּלֶךְ אֶת־כָּל־הַשָּׂרִים עַל־דְּבַר
ו אַבְשָׁלוֹם׃ וַיֵּצֵא הָעָם הַשָּׂדֶה לִקְרַאת יִשְׂרָאֵל וַתְּהִי
ז הַמִּלְחָמָה בְּיַעַר אֶפְרָיִם׃ וַיִּנָּגְפוּ שָׁם עַם יִשְׂרָאֵל לִפְנֵי
עַבְדֵי דָוִד וַתְּהִי־שָׁם הַמַּגֵּפָה גְדוֹלָה בַּיּוֹם הַהוּא עֶשְׂרִים
ח אָלֶף׃ וַתְּהִי־שָׁם הַמִּלְחָמָה נָפֹוצֶת עַל־פְּנֵי כָל־הָאָרֶץ
וַיֶּרֶב הַיַּעַר לֶאֱכֹל בָּעָם מֵאֲשֶׁר אָכְלָה הַחֶרֶב בַּיּוֹם הַהוּא׃
ט וַיִּקָּרֵא אַבְשָׁלוֹם לִפְנֵי עַבְדֵי דָוִד וְאַבְשָׁלוֹם רֹכֵב עַל־
הַפֶּרֶד וַיָּבֹא הַפֶּרֶד תַּחַת שׂוֹבֶךְ הָאֵלָה הַגְּדוֹלָה וַיֶּחֱזַק
רֹאשׁוֹ בָאֵלָה וַיֻּתַּן בֵּין הַשָּׁמַיִם וּבֵין הָאָרֶץ וְהַפֶּרֶד אֲשֶׁר־
י תַּחְתָּיו עָבָר׃ וַיַּרְא אִישׁ אֶחָד וַיַּגֵּד לְיוֹאָב וַיֹּאמֶר הִנֵּה
יא רָאִיתִי אֶת־אַבְשָׁלֹם תָּלוּי בָּאֵלָה׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לָאִישׁ
הַמַּגִּיד לוֹ וְהִנֵּה רָאִיתָ וּמַדּוּעַ לֹא־הִכִּיתוֹ שָׁם אָרְצָה
יב וְעָלַי לָתֶת לְךָ עֲשָׂרָה כֶסֶף וַחֲגֹרָה אֶחָת׃ וַיֹּאמֶר הָאִישׁ
אֶל־יוֹאָב וְלֹא אָנֹכִי שֹׁקֵל עַל־כַּפַּי אֶלֶף כֶּסֶף לֹא־אֶשְׁלַח
יָדִי אֶל־בֶּן־הַמֶּלֶךְ כִּי בְאָזְנֵינוּ צִוָּה הַמֶּלֶךְ אֹתְךָ וְאֶת־
אֲבִישַׁי וְאֶת־אִתַּי לֵאמֹר שִׁמְרוּ־מִי בַּנַּעַר בְּאַבְשָׁלוֹם׃
יג אוֹ־עָשִׂיתִי בְנַפְשׁוֹ שֶׁקֶר וְכָל־דָּבָר לֹא־יִכָּחֵד מִן־הַמֶּלֶךְ
יד וְאַתָּה תִּתְיַצֵּב מִנֶּגֶד׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לֹא־כֵן אֹחִילָה לְפָנֶיךָ
וַיִּקַּח שְׁלֹשָׁה שְׁבָטִים בְּכַפּוֹ וַיִּתְקָעֵם בְּלֵב אַבְשָׁלוֹם
טו עוֹדֶנּוּ חַי בְּלֵב הָאֵלָה׃ וַיָּסֹבּוּ עֲשָׂרָה נְעָרִים נֹשְׂאֵי
טז כְּלֵי יוֹאָב וַיַּכּוּ אֶת־אַבְשָׁלוֹם וַיְמִתֻהוּ׃ וַיִּתְקַע יוֹאָב בַּשֹּׁפָר
וַיָּשָׁב הָעָם מִרְדֹף אַחֲרֵי יִשְׂרָאֵל כִּי־חָשַׂךְ יוֹאָב אֶת־הָעָם׃

ג׳ סבירין אתה   לעזור קרי   ח׳ נפוצה קרי   יב׳ ולו קרי   יג׳ בנפשי קרי

קיין אַכט; אָבער דו ביסט אַצונד אַזוי ווי צען טויזנט פון
אונדז; איז אַצונד בעסער, אַז דו זאָלסט אונדז זיין צו
הילף פון שטאָט. 4 האָט דער מלך צו זיי געזאָגט: וואָס
איז גוט אין אײַערע אויגן, וועל איך טאָן.

און דער מלך האָט זיך געשטעלט ביים זייט פון
טויער, און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַרויסגעגאַנגען אין
הונדערטן און אין טויזנטן.

5 און דער מלך האָט באַפוילן יואָבן און אַבישַין און
אִתַּין, אַזוי צו זאָגן: זייט מיר געלאַסן מיט דעם יונג, מיט
אַבשָׁלומען. און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געהערט ווי דער
מלך האָט באַפוילן אַלע הויפּטלייט וועגן אַבשָׁלומען.

6 און דאָס פאָלק איז אַרויסגעגאַנגען אין פעלד
אַקעגן ישׂראל, און די מלחמה איז געווען אין וואַלד פון
אפרים. 7 און דאָס פאָלק פון ישׂראל איז דאָרטן געשלאָגן
געוואָרן פאַר די קנעכט פון דודן, און דאָרטן איז געווען
אַ גרויסער שלאַק אין יענעם טאָג–צוואַנציק טויזנט.
8 וואָרום די מלחמה איז דאָרטן געווען פאַרשפּרייט אויפן
געזיכט פון גאַנצן לאַנד; און דער וואַלד האָט פאַרצערט
פון פאָלק מער ווי די שווערד האָט פאַרצערט אין יענעם
טאָג.

9 און אַבשָׁלום האָט זיך געטראָפן פאַר די קנעכט
פון דודן. און אַבשָׁלום איז געריטן אויף אַ מוילאייזל, איז
דער מוילאייזל געקומען אונטער דעם געצווייג פון אַ
גרויסן אייכנבוים, און זיין קאָפּ האָט זיך אָנגעכאַפּט אַן
דעם אייכנבוים, און ער איז געבליבן צווישן הימל און ערד; און דער מוילאייזל וואָס אונטער אים איז אַוועק.
10 האָט דערזען איינער אַ מאַן, און ער האָט דערציילט יואָבן און געזאָגט: אָט האָב איך געזען אַבשָׁלומען הענגען
אויפן אייכנבוים. 11 האָט יואָב געזאָגט צו דעם מאַן וואָס האָט אים דערציילט: און אַז דו האָסט געזען, טאָ פאַר־
וואָס האָסטו אים ניט דערשלאָגן דאָרטן צו דער ערד? און אויף מיר וואָלט געווען דיר צו געבן צען זילבער־
שטיק און אַ גאַרטל. 12 האָט דער מאַן געזאָגט צו יואָבן: אַפילו ווען איך קריג אָפּגעוואויגן אויף מיינע הענט טויזנט
זילבערשטיק, וועל איך ניט אויסשטרעקן מיין האַנט אויף דעם מלכס זון, וואָרום פאַר אונדזערע אויערן האָט דער מלך
באַפוילן דיר און אַבישַין און אִתַּין, אַזוי צו זאָגן: זייט אָפּגעהיט, ווער עס זאָל ניט זיין, מיט דעם יונג, מיט אַבשָׁלומען.
13 אָדער אַז איך זאָל באַגיין אַ פאַלשקייט אַקעגן מיין זעל, ווערט קיין זאַך ניט בלייבן פאַרהוילן פון דעם מלך, און דו
וועסט שטיין פון דער וייטן.

14 האָט יואָב געזאָגט: איך קען זיך דאָ אַזוי ניט אויפהאַלטן מיט דיר. און ער האָט גענומען דריי וואַרפשפּיזן אין
זיין האַנט, און האָט זיי אַריינגעשטאָכן אין אַבשָׁלומס האַרצן, ווען ער האָט נאָך געלעבט אין מיטן אייכנבוים. 15 און צען
יונגען, יואָבס וואַפנטרעגער, האָבן זיך אַרומגעשטעלט, און האָבן געשלאָגן אַבשָׁלומען און אים געטייט.
16 און יואָב האָט געבלאָזן אין שופר, און דאָס פאָלק האָט זיך אומגעקערט פון נאָכיאָגן ישׂראל, וואָרום יואָב האָט

יז וַיִּקְחוּ אֶת־אַבְשָׁלוֹם וַיַּשְׁלִכוּ אֹתוֹ בַיַּעַר אֶל־הַפַּחַת
הַגָּדוֹל וַיַּצִּבוּ עָלָיו גַּל־אֲבָנִים גָּדוֹל מְאֹד וְכָל־יִשְׂרָאֵל נָסוּ
יח אִישׁ לְאֹהָלָו׃ וְאַבְשָׁלֹם לָקַח וַיַּצֶּב־לוֹ בְחַיָּו אֶת־מַצֶּבֶת
אֲשֶׁר בְּעֵמֶק־הַמֶּלֶךְ כִּי אָמַר אֵין־לִי בֵן בַּעֲבוּר הַזְכִּיר
שְׁמִי וַיִּקְרָא לַמַּצֶּבֶת עַל־שְׁמוֹ וַיִּקָּרֵא לָהּ יַד אַבְשָׁלוֹם
יט עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַאֲחִימַעַץ בֶּן־צָדוֹק אָמַר אָרוּצָה
נָּא וַאֲבַשְּׂרָה אֶת־הַמֶּלֶךְ כִּי־שְׁפָטוֹ יְהוָה מִיַּד אֹיְבָיו׃
כ וַיֹּאמֶר לוֹ יוֹאָב לֹא אִישׁ בְּשֹׂרָה אַתָּה הַיּוֹם הַזֶּה וּבִשַּׂרְתָּ
בְּיוֹם אַחֵר וְהַיּוֹם הַזֶּה לֹא תְבַשֵּׂר כִּי עַל־ בֶּן־הַמֶּלֶךְ
כא מֵת׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לַכּוּשִׁי לֵךְ הַגֵּד לַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר
כב רָאִיתָה וַיִּשְׁתַּחוּ כוּשִׁי לְיוֹאָב וַיָּרֹץ׃ וַיֹּסֶף עוֹד אֲחִימַעַץ
בֶּן־צָדוֹק וַיֹּאמֶר אֶל־יוֹאָב וִיהִי מָה אָרֻצָה־נָּא גַם־אָנִי
אַחֲרֵי הַכּוּשִׁי וַיֹּאמֶר יוֹאָב לָמָּה־זֶּה אַתָּה רָץ בְּנִי וּלְכָה
כג אֵין־בְּשׂוֹרָה מֹצֵאת׃ וִיהִי־מָה אָרוּץ וַיֹּאמֶר לוֹ רוּץ וַיָּרָץ
כד אֲחִימַעַץ דֶּרֶךְ הַכִּכָּר וַיַּעֲבֹר אֶת־הַכּוּשִׁי׃ וְדָוִד יוֹשֵׁב
בֵּין־שְׁנֵי הַשְּׁעָרִים וַיֵּלֶךְ הַצֹּפֶה אֶל־גַּג הַשַּׁעַר אֶל־הַחוֹמָה
כה וַיִּשָּׂא אֶת־עֵינָיו וַיַּרְא וְהִנֵּה־אִישׁ רָץ לְבַדּוֹ׃ וַיִּקְרָא
הַצֹּפֶה וַיַּגֵּד לַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אִם־לְבַדּוֹ בְּשׂוֹרָה בְּפִיו
כו וַיֵּלֶךְ הָלוֹךְ וְקָרֵב׃ וַיַּרְא הַצֹּפֶה אִישׁ־אַחֵר רָץ וַיִּקְרָא
הַצֹּפֶה אֶל־הַשֹּׁעֵר וַיֹּאמֶר הִנֵּה־אִישׁ רָץ לְבַדּוֹ וַיֹּאמֶר
כז הַמֶּלֶךְ גַּם־זֶה מְבַשֵּׂר׃ וַיֹּאמֶר הַצֹּפֶה אֲנִי רֹאֶה אֶת־
מְרוּצַת הָרִאשׁוֹן כִּמְרֻצַת אֲחִימַעַץ בֶּן־צָדוֹק וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
כח אִישׁ־טוֹב זֶה וְאֶל־בְּשׂוֹרָה טוֹבָה יָבוֹא׃ וַיִּקְרָא אֲחִימַעַץ
וַיֹּאמֶר אֶל־הַמֶּלֶךְ שָׁלוֹם וַיִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ לְאַפָּיו אָרְצָה
וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר סִגַּר אֶת־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר־
כט נָשְׂאוּ אֶת־יָדָם בַּאדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
שָׁלוֹם לַנַּעַר לְאַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר אֲחִימַעַץ רָאִיתִי הֶהָמוֹן

יז׳ לאהליו ק   יח׳ בחייו ק   כ׳ כן קרי ולא כתיב   כט׳ סבירין השלום

צוריקגעהאַלטן דאָס פאָלק. [17] און זיי האָבן גענומען אַבשָלומען, און האָבן אים אַרײַנגעוואָרפן אין וואַלד אין דער גרויסער גרוב. און זיי האָבן אויפגעשטעלט איבער אים אַ זייער גרויסן הויפן שטיינער. און גאַנץ ישראל זיינען אַנטלאָפן, איטלעכער צו זיינע געצעלטן.

[18] און אַבשָלום האָט נאָך בײַ זײַן לעבן גענומען און זיך אויפגעשטעלט דעם זײַלשטיין וואָס אין מלכס טאָל; וואָרום ער האָט געזאָגט: איך האָב ניט קיין זון צו דער־מאָנען מײַן נאָמען. און ער האָט גערופן דעם זײַלשטיין אויף זײַן נאָמען, און מע רופט אים אַבשָלומס אָנדענק ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

[19] און אַחימַעַץ דער זון פון צָדוקן האָט געזאָגט: לאָמיך אַקאָרשט לויפן און אָנזאָגן דעם מלך, אַז גאָט האָט זיך אָפּגערעכנט פאַר אים פון דער האַנט פון זײַנע פײַנט. [20] האָט יואָב צו אים געזאָגט: ביסט ניט אַ בעל־בשורה הײַנטיקן טאָג; וועסט אָנזאָגן אַן אַנדער טאָג, אָבער הײַנטיקן טאָג זאָלסטו ניט אָנזאָגן, אַזוי ווי דעם מלכס זון איז טויט.

[21] און יואָב האָט געזאָגט צו דעם כּושי: גיי דערצייל דעם מלך וואָס דו האָסט געזען. האָט דער כּושי זיך גע־בוקט צו יואָבן, און איז אַוועקגעלאָפן.

[22] און אַחימַעַץ דער זון פון צָדוקן האָט ווידער אַ מאָל געזאָגט צו יואָבן: זאָל זײַן וואָס וועט זײַן, לאָמיך אויך, איך בעט דיך, לויפן נאָך דעם כּושי. האָט יואָב געזאָגט: נאָך וואָס דען זאָלסטו לויפן, מײַן זון, אַז די בשורה וועט דיר גאָרניט אײַנברענגען? [23] „אָבער זאָל זײַן וואָס וועט זײַן, איך וועל לויפן". האָט ער צו אים געזאָגט: לויף. און אַחימַעַץ איז געלאָפן מיטן וועג פון דער [יַרדן] געגנט, און ער האָט אַריבערגעיאָגט דעם כּושי.

[24] און דוד איז געזעסן צווישן די צוויי טויערן, און דער וועכטער איז אַרויפגעגאַנגען אויף דעם דאַך פון טויער, אויף דער מויער, און ער האָט אויפגעהויבן זײַנע אויגן, ערשט אַ מאַן לויפט אַליין. [25] האָט דער וועכטער אויסגערופן, און אָנגעזאָגט דעם מלך. האָט דער מלך געזאָגט: אויב ער איז אַליין, איז אַ בשורה אין זײַן מויל. און יענער איז גע־קומען אַלץ נענטער. [26] האָט דער וועכטער געזען אַן אַנדער מאַן לויפן, און דער וועכטער האָט אויסגערופן צום טויערמאַן און געזאָגט: זע, אַ מאַן לויפט אַליין. האָט דער מלך געזאָגט: דער אויך איז אַן אָנזאָגער.

[27] האָט דער וועכטער געזאָגט: איך דערקען דאָס לויפן פון ערשטן אַזוי ווי דאָס לויפן פון אַחימַעַץ דעם זון פון צָדוקן. האָט דער מלך געזאָגט: אַ גוטער מענטש איז ער, און מיט אַ גוטער בשורה קומט ער.

[28] האָט אַחימַעַץ גערופן און האָט געזאָגט צום מלך: פריד! און ער האָט זיך געבוקט צום מלך מיט זײַן פּנים צו דער ערד, און האָט געזאָגט: געלויבט איז יהוה דײַן גאָט וואָס האָט איבערגעענטפערט די מענטשן וואָס האָבן אויפגעהויבן זייער האַנט אויף מײַן האַר דעם מלך. [29] האָט דער מלך געזאָגט: איז פריד צו דעם יונג, צו אַבשָלומען? האָט אַחימַעַץ

געזאָגט: איך האָב געזען אַ גרויסן טומל ווען יואָב האָט
אַוועקגעשיקט דעם מלכס קנעכט, און מיך דיין קנעכט,
אָבער איך האָב ניט געוווּסט וואָס. 30 האָט דער מלך
געזאָגט: דריי זיך אום, שטעל זיך דאָ. האָט ער זיך אומ־
געדרייט, און איז געשטאַנען.
31 ערשט דער כּושי קומט אָן; און דער כּושי האָט
געזאָגט: זאָל אַ בשׂורה האָבן מיין האַר דער מלך, אַז גאָט
האָט זיך היינט אָפּגערעכנט פאַר דיר פון דער האַנט פון
אַלע וואָס זיינען אויפגעשטאַנען אויף דיר. 32 האָט דער
מלך געזאָגט צו דעם כּושי: איז פריד צו דעם יונג, צו
אַבשלומען? האָט דער כּושי געזאָגט: זאָל ווערן פון די
שׂונאים פון מיין האַר דעם מלך, און פון אַלע וואָס זיינען
אויפגעשטאַנען אויף דיר צום בייזן, ווי פון דעם יונג.

יט 1 האָט דער מלך אויפגעציטערט, און ער איז
אַרויפגעגאַנגען אין דער אויבערשטוב פון טויער,
און האָט געוויינט; און גייענדיק האָט ער אַזוי געזאָגט:
מיין זון אַבשלום, זון מיינער, אַבשלום מיין זון! הלוואַי
וואָלט איך געשטאָרבן אָנשטאָט דיר, אַבשלום מיין זון,
זון מיינער!
2 איז אָנגעזאָגט געוואָרן יואָבן: זע, דער מלך וויינט,
און ער טרויערט אויף אַבשלומען.
3 און די ישועה אין יענעם טאָג איז געוואָרן צו טרויער
פאַר דעם גאַנצן פאָלק, וואָרום דאָס פאָלק האָט געהערט
אין יענעם טאָג, אַזוי צו זאָגן: דער מלך איז באַקלעמט
וועגן זיין זון. 4 און דאָס פאָלק איז אין יענעם טאָג זיך
גנבֿענדיק אַריינגעקומען אין שטאָט, אַזוי ווי דאָס פאָלק גנבֿעט זיך פאַרשעמטערהייט ווען זיי אַנטלויפן אין אַ
מלחמה.
5 און דער מלך האָט איינגעוויקלט זיין פּנים, און דער מלך האָט געשריען אויף אַ הויכן קול: מיין זון אַבשלום,
אַבשלום מיין זון, זון מיינער!
6 איז יואָב געקומען צום מלך אין הויז, און האָט געזאָגט: האָסט היינט פאַרשעמט דעם פּנים פון אַלע דיינע קנעכט
וואָס האָבן היינט געראַטעוועט דיין לעבן, און דאָס לעבן פון דיינע זין און דיינע טעכטער, און דאָס לעבן פון דיינע
ווייבער, און דאָס לעבן פון דיינע קעפּסווייבער, 7 ליב צו האָבן דיינע פיינט, און פיינט צו האָבן דיינע ליבהאָבער.
וואָרום האָסט היינט געלאָזט וויסן, אַז ביי דיר זיינען ניטאָ קיין הויפּטלייט און קיין קנעכט; ווייל היינט ווייס איך, אַז
ווען אַבשלום לעבט, און מיר אַלע זיינען היינט טויט, וואָלט דענסמאָל געווען רעכט אין דיינע אויגן. 8 און אַצונד,
שטיי אויף, גיי אַרויס, און רעד צום האַרצן פון דיינע קנעכט, וואָרום איך שווער ביי גאָט, אַז דו גייסט ניט אַרויס, אויב
אַ מענטש וועט ביי דיר בלייבן די נאַכט! און דאָס וועט דיר זיין ערגער ווי אַלדאָס בייז וואָס איז געקומען אויף דיר פון
דיין יוגנט אָן ביז אַצונד.
9 איז דער מלך אויפגעשטאַנען, און ער האָט זיך געזעצט אין טויער, און דעם גאַנצן פאָלק האָט מען אָנגעזאָגט,
אַזוי צו זאָגן: זעט, דער מלך זיצט אין טויער. און דאָס גאַנצע פאָלק איז געקומען פאַרן מלך.

הַגָּדוֹל לִשְׁלֹחַ אֶת־עֶבֶד הַמֶּלֶךְ יוֹאָב וְאֶת־עַבְדֶּךָ וְלֹא
ל יָדַעְתִּי מָה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ סֹב הִתְיַצֵּב כֹּה וַיִּסֹּב וַיַּעֲמֹד׃
לא וְהִנֵּה הַכּוּשִׁי בָּא וַיֹּאמֶר הַכּוּשִׁי יִתְבַּשֵּׂר אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
כִּי־שְׁפָטְךָ יְהוָה הַיּוֹם מִיַּד כָּל־הַקָּמִים עָלֶיךָ׃
לב וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־הַכּוּשִׁי הֲשָׁלוֹם לַנַּעַר לְאַבְשָׁלוֹם וַיֹּאמֶר
הַכּוּשִׁי יִהְיוּ כַנַּעַר אֹיְבֵי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וְכֹל אֲשֶׁר־קָמוּ
עָלֶיךָ לְרָעָה׃

יט

א וַיִּרְגַּז הַמֶּלֶךְ וַיַּעַל עַל־עֲלִיַּת הַשַּׁעַר וַיֵּבְךְּ וְכֹה ׀ אָמַר
בְּלֶכְתּוֹ בְּנִי אַבְשָׁלוֹם בְּנִי בְנִי אַבְשָׁלוֹם מִי־יִתֵּן מוּתִי אֲנִי
ב תַחְתֶּיךָ אַבְשָׁלוֹם בְּנִי בְנִי׃ וַיֻּגַּד לְיוֹאָב הִנֵּה הַמֶּלֶךְ בֹּכֶה
ג וַיִּתְאַבֵּל עַל־אַבְשָׁלֹם׃ וַתְּהִי הַתְּשֻׁעָה בַּיּוֹם הַהוּא לְאֵבֶל
לְכָל־הָעָם כִּי־שָׁמַע הָעָם בַּיּוֹם הַהוּא לֵאמֹר נֶעֱצַב הַמֶּלֶךְ
ד עַל־בְּנוֹ׃ וַיִּתְגַּנֵּב הָעָם בַּיּוֹם הַהוּא לָבוֹא הָעִיר כַּאֲשֶׁר
ה יִתְגַּנֵּב הָעָם הַנִּכְלָמִים בְּנוּסָם בַּמִּלְחָמָה׃ וְהַמֶּלֶךְ לָאַט
אֶת־פָּנָיו וַיִּזְעַק הַמֶּלֶךְ קוֹל גָּדוֹל בְּנִי אַבְשָׁלוֹם אַבְשָׁלוֹם
ו בְּנִי בְנִי׃ וַיָּבֹא יוֹאָב אֶל־הַמֶּלֶךְ הַבָּיִת וַיֹּאמֶר הֹבַשְׁתָּ
הַיּוֹם אֶת־פְּנֵי כָל־עֲבָדֶיךָ הַמְמַלְּטִים אֶת־נַפְשְׁךָ הַיּוֹם
וְאֵת נֶפֶשׁ בָּנֶיךָ וּבְנֹתֶיךָ וְנֶפֶשׁ נָשֶׁיךָ וְנֶפֶשׁ פִּלַגְשֶׁיךָ׃
ז לְאַהֲבָה אֶת־שֹׂנְאֶיךָ וְלִשְׂנֹא אֶת־אֹהֲבֶיךָ כִּי ׀ הִגַּדְתָּ הַיּוֹם
כִּי אֵין לְךָ שָׂרִים וַעֲבָדִים כִּי ׀ יָדַעְתִּי הַיּוֹם כִּי לֹא
אַבְשָׁלוֹם חַי וְכֻלָּנוּ הַיּוֹם מֵתִים כִּי־אָז יָשָׁר בְּעֵינֶיךָ׃
ח וְעַתָּה קוּם צֵא וְדַבֵּר עַל־לֵב עֲבָדֶיךָ כִּי בַיהוָה נִשְׁבַּעְתִּי
כִּי־אֵינְךָ יוֹצֵא אִם־יָלִין אִישׁ אִתְּךָ הַלַּיְלָה וְרָעָה לְךָ זֹאת
מִכָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר־בָּאָה עָלֶיךָ מִנְּעֻרֶיךָ עַד־עָתָּה׃
ט וַיָּקָם הַמֶּלֶךְ וַיֵּשֶׁב בַּשָּׁעַר וּלְכָל־הָעָם הִגִּידוּ לֵאמֹר הִנֵּה
הַמֶּלֶךְ יוֹשֵׁב בַּשַּׁעַר וַיָּבֹא כָל־הָעָם לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וְיִשְׂרָאֵל

יט, ז׳ לו קרי

נָס אִישׁ לְאֹהָלָיו׃ וַיְהִי כָל־הָעָם נָדוֹן בְּכָל־שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הַמֶּלֶךְ הִצִּילָנוּ ׀ מִכַּף אֹיְבֵינוּ וְהוּא מִלְּטָנוּ
מִכַּף פְּלִשְׁתִּים וְעַתָּה בָּרַח מִן־הָאָרֶץ מֵעַל אַבְשָׁלוֹם׃
וְאַבְשָׁלוֹם אֲשֶׁר מָשַׁחְנוּ עָלֵינוּ מֵת בַּמִּלְחָמָה וְעַתָּה לָמָה יא
אַתֶּם מַחֲרִשִׁים לְהָשִׁיב אֶת־הַמֶּלֶךְ׃ וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד יב
שָׁלַח אֶל־צָדוֹק וְאֶל־אֶבְיָתָר הַכֹּהֲנִים לֵאמֹר דַּבְּרוּ אֶל־
זִקְנֵי יְהוּדָה לֵאמֹר לָמָּה תִהְיוּ אַחֲרֹנִים לְהָשִׁיב אֶת־
הַמֶּלֶךְ אֶל־בֵּיתוֹ וּדְבַר כָּל־יִשְׂרָאֵל בָּא אֶל־הַמֶּלֶךְ אֶל־
בֵּיתוֹ׃ אַחַי אַתֶּם עַצְמִי וּבְשָׂרִי אַתֶּם וְלָמָּה תִהְיוּ אַחֲרֹנִים יג
לְהָשִׁיב אֶת־הַמֶּלֶךְ׃ וְלַעֲמָשָׂא תֹּמְרוּ הֲלוֹא עַצְמִי וּבְשָׂרִי יד
אָתָּה כֹּה יַעֲשֶׂה־לִּי אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִיף אִם־לֹא שַׂר־צָבָא
תִּהְיֶה לְפָנַי כָּל־הַיָּמִים תַּחַת יוֹאָב׃ וַיַּט אֶת־לְבַב כָּל־ טו
אִישׁ־יְהוּדָה כְּאִישׁ אֶחָד וַיִּשְׁלְחוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ שׁוּב אַתָּה
וְכָל־עֲבָדֶיךָ׃ וַיָּשָׁב הַמֶּלֶךְ וַיָּבֹא עַד־הַיַּרְדֵּן וִיהוּדָה בָּא טז
הַגִּלְגָּלָה לָלֶכֶת לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ לְהַעֲבִיר אֶת־הַמֶּלֶךְ
אֶת־הַיַּרְדֵּן׃ וַיְמַהֵר שִׁמְעִי בֶן־גֵּרָא בֶּן־הַיְמִינִי אֲשֶׁר יז
מִבַּחוּרִים וַיֵּרֶד עִם־אִישׁ יְהוּדָה לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ דָּוִד׃
וְאֶלֶף אִישׁ עִמּוֹ מִבִּנְיָמִן וְצִיבָא נַעַר בֵּית שָׁאוּל וַחֲמֵשֶׁת יח
עָשָׂר בָּנָיו וְעֶשְׂרִים עֲבָדָיו אִתּוֹ וְצָלְחוּ הַיַּרְדֵּן לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃
וְעָבְרָה הָעֲבָרָה לַעֲבִיר אֶת־בֵּית הַמֶּלֶךְ וְלַעֲשׂוֹת הַטּוֹב יט
בְּעֵינָו וְשִׁמְעִי בֶן־גֵּרָא נָפַל לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ בְּעָבְרוֹ בַּיַּרְדֵּן׃
וַיֹּאמֶר אֶל־הַמֶּלֶךְ אַל־יַחֲשָׁב־לִי אֲדֹנִי עָוֺן וְאַל־תִּזְכֹּר כ
אֵת אֲשֶׁר הֶעֱוָה עַבְדְּךָ בַּיּוֹם אֲשֶׁר־יָצָא אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ
מִירוּשָׁלִָם לָשׂוּם הַמֶּלֶךְ אֶל־לִבּוֹ׃ כִּי יָדַע עַבְדְּךָ כִּי כא
אֲנִי חָטָאתִי וְהִנֵּה־בָאתִי הַיּוֹם רִאשׁוֹן לְכָל־בֵּית יוֹסֵף
לָרֶדֶת לִקְרַאת אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיַּעַן אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה כב
וַיֹּאמֶר הֲתַחַת זֹאת לֹא יוּמַת שִׁמְעִי כִּי קִלֵּל אֶת־מְשִׁיחַ

---

יד׳ חסר אליף    יט׳ בעינו קרי    כ׳ נקוד על יצא

און אַז ישׂראל איז אַנטלאָפן איטלעכער צו זיינע געצעלטן, [10] האָט דאָס גאַנצע פאָלק אין אַלע שבטים פון ישׂראל געטענהט, אַזוי צו זאָגן: דער מלך האָט אונדז מציל געווען פון דער האַנט פון אונדזערע פיינט, און ער האָט אונדז געראַטעוועט פון דער האַנט פון די פּלשתּים, און אַצונד איז ער אַנטלאָפן פון לאַנד פון וועגן אַבשָלומען. [11] און אַבשָלום, וואָס מיר האָבן געזאַלבט איבער אונדז, איז אומגעקומען אין דער מלחמה, היינט פאַרוואָס שווייגט איר וועגן אומקערן דעם מלך?

[12] און דער מלך דוד האָט געשיקט צו צָדוק און צו אֶביָתר די כּהנים, אַזוי צו זאָגן: רעדט צו די עלטסטע פון יהודה, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס זאָלט איר זיין די לעצטע אומצוקערן דעם מלך אין זיין הויז?—וואָרום דאָס וואָרט פון גאַנץ ישׂראל איז אָנגעקומען צום מלך אין זיין הויז?—[13] מיינע ברידער זייט איר, מיין ביין און מיין פלייש זייט איר, און פאַרוואָס זאָלט איר זיין די לעצטע אומצוקערן דעם מלך? [14] און צו עֲמָשָׂאן זאָלט איר זאָגן: מיין ביין און מיין פלייש ביסטו דאָך. זאָל מיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער, אויב דו וועסט ניט זיין ביי מיר אַלע טעג דער חיל־פירער אויף יואָבס אָרט!

[15] און ער האָט צוגענייגט דאָס האַרץ פון אַלע מענער פון יהודה אַזוי ווי איין מאַן. און זיי האָבן געשיקט צום מלך: קער זיך אום דו און אַלע דיינע קנעכט.

[16] האָט דער מלך זיך אומגעקערט, און ער איז געקומען ביזן יַרדן. און יהודה איז געקומען קיין גִלגָל צו גיין אַנטקעגן דעם מלך, כּדי אַריבערצופירן דעם מלך איבערן יַרדן.

[17] און שִמעִי דער זון פון גֵראָ, דער בנימינער, וואָס פון בַּחורים, האָט געאײַלט און אַראָפּגענידערט מיט די מענער פון יהודה אַנטקעגן דעם מלך דוד; [18] און מיט אים טויזנט מאַן פון בנימין, און ציבאָ, שָאולס קנעכט, און זיינע פופצן זין און זיינע צוואַנציק קנעכט מיט אים. און זיי זיינען אַריבער דעם יַרדן פאַרן מלך. [19] און דער פּראָם איז אַריבערגעקומען, כּדי אַריבערצופירן דעם מלכס הויזגעזינט, און צו טאָן וואָס איז גוט אין זיינע אויגן. איז שִמעִי דער זון פון גֵראָן געפאַלן פאַרן מלך, ווען ער האָט געוואָלט אַריבערגיין דעם יַרדן. [20] און ער האָט געזאָגט צום מלך: זאָל מיין האַר מיר ניט צורעכענען אַ זינד, און זאָלסט ניט דערמאָנען וואָס דיין קנעכט האָט פאַרבראָכן אין דעם טאָג וואָס מיין האַר דער מלך איז אַרויסגעגאַנגען פון ירושָלַיִם, אַז דער מלך זאָל זיך דאָס נעמען צום האַרצן. [21] וואָרום דיין קנעכט ווייס אַז איך האָב געזינדיקט, און אָט בין איך געקומען היינט דער ערשטער פון גאַנצן הויז פון יוסף, אַראָפּצונידערן אַנטקעגן מיין האַר דעם מלך.

[22] האָט זיך אָפּגערופן אַבישַי דער זון פון צרויָהן, און האָט געזאָגט: זאָל ניט שִמעִי געטייט ווערן דערפאַר וואָס ער

האָט געשאָלטן דעם געזאַלבטן פון גאָט? 23 האָט דוד געזאָגט: וואָס קער איך זיך אָן מיט אײַך, איר זין פון צרויָהן, אַז איר זאָלט מיר הײַנט זײַן פאַר אַ שטער? זאָל הײַנט געטײט ווערן אַ מענטש פון ישׂראל? ווּאָרום פאַרוואָר, ערשט ווײס איך אַז הײַנט בין איך אַ מלך איבער ישׂראל.

24 און דער מלך האָט געזאָגט צו שִמעִין: וועסט ניט שטאַרבן. און דער מלך האָט אים געשוואָרן.

25 און מפיבוֹשֶת, שָאוּלס זון, האָט אַראָפּגענידערט אַנטקעגן דעם מלך, און ער האָט ניט צורעכט געמאַכט זײַנע פיס, און ניט צורעכט געמאַכט זײַנע וואָנסעס, און זײַנע קלײדער ניט געוואַשן, פון דעם טאָג וואָס דער מלך איז אַוועקגעגאַנגען ביז דעם טאָג וואָס ער איז צוריקגעקומען בשלום.

26 און עס איז געווען, אַז ער איז געקומען קײן ירושָלַיִם דעם מלך אַנטקעגן, האָט דער מלך צו אים געזאָגט: פאַרוואָס ביסטו ניט געגאַנגען מיט מיר, מפיבוֹשֶת? 27 האָט ער געזאָגט: מײַן האַר מלך, מײַן קנעכט האָט מיך גענאַרט, וואָרום דײַן קנעכט האָט געזאָגט: איך וועל מיר אָנזאָטלען די אײזעלין, און וועל רײַטן אויף איר, און וועל גײן מיטן מלך; ווײַל דײַן קנעכט איז אַ הינקעדיקער. 28 און ער האָט אָנגערעדט אויף דײַן קנעכט פאַר מײַן האַר דעם מלך, אָבער מײַן האַר דער מלך איז אַזוי ווי אַ מלאך פון גאָט; דרום טו וואָס איז גוט אין דײַנע אויגן. 29 וואָרום דאָס גאַנצע הויז פון מײַן פאָטער איז ניט אַנדערש ווי ווערט געווען דעם טויט בײַ מײַן האַר דעם מלך, פון דעסטוועגן האָסטו געמאַכט דײַן קנעכט צווישן די וואָס עסן בײַ דײַן טיש, און וואָסער רעכט האָב איך נאָך, צומאָל זיך נאָך צו קלאָגן פאַרן מלך?

30 האָט דער מלך צו אים געזאָגט: צוואָס נאָך זאָלסטו רעדן דײַנע רײד? איך הײס: דו און ציבאָ זאָלט זיך טײלן מיטן פעלד. 31 האָט מפיבוֹשֶת געזאָגט צום מלך: זאָל ער אויך דאָס גאַנצע צונעמען, נאָכדעם אַז מײַן האַר דער מלך איז געקומען בשלום אין זײַן הויז.

32 און בַּרזִלַי דער גִלעָדער האָט אַראָפּגענידערט פון רוגלים, און ער איז אַריבערגעגאַנגען מיטן מלך צום יַרדן, כּדי אים צו באַלײטן איבערן יַרדן. 33 און בַּרזִלַי איז געווען זײער אַלט, אַ מאַן פון אַכציק יאָר; און ער האָט אויסגעהאַלטן דעם מלך ווען ער איז געזעסן אין מַחנַיִם, וואָרום ער איז געווען זײער אַ רײַכער מאַן.

34 האָט דער מלך געזאָגט צו בַּרזִלַין: קום דו אַריבער מיט מיר, און איך וועל דיך אויסהאַלטן בײַ מיר אין ירושָלַיִם. 35 האָט בַּרזִלַי געזאָגט צום מלך: ווי פיל נאָך זײַנען די טעג פון די יאָרן פון מײַן לעבן, אַז איך זאָל אַרויפגײן מיטן מלך קײן ירושָלַיִם? 36 איך בין הײַנט אַ מאַן פון אַכציק יאָר; וועל איך דען ווײסן צווישן גוטס און שלעכטס? וועט דען דײַן קנעכט שפּירן אַ טעם אין וואָס איך וועל עסן און וואָס איך וועל טרינקען? קען איך דען נאָך הערן דעם קָול פון זינגערס און זינגערינס? און צוואָס זאָל דײַן קנעכט נאָך זײַן צו לאַסט אויף מײַן האַר דעם מלך? 37 קוים קען דײַן קנעכט אַריבערגײן

כג יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד מַה־לִּי וְלָכֶם בְּנֵי צְרוּיָה כִּי־תִהְיוּ־לִי
הַיּוֹם לְשָׂטָן הַיּוֹם יוּמַת אִישׁ בְּיִשְׂרָאֵל כִּי הֲלוֹא יָדַעְתִּי
כד כִּי הַיּוֹם אֲנִי־מֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־שִׁמְעִי
כה לֹא תָמוּת וַיִּשָּׁבַע לוֹ הַמֶּלֶךְ׃ וּמְפִבֹשֶׁת בֶּן־שָׁאוּל
יָרַד לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ וְלֹא־עָשָׂה רַגְלָיו וְלֹא־עָשָׂה שְׂפָמוֹ
וְאֶת־בְּגָדָיו לֹא כִבֵּס לְמִן־הַיּוֹם לֶכֶת הַמֶּלֶךְ עַד־הַיּוֹם
כו אֲשֶׁר־בָּא בְשָׁלוֹם׃ וַיְהִי כִּי־בָא יְרוּשָׁלַ͏ִם לִקְרַאת הַמֶּלֶךְ
כז וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ לָמָּה לֹא־הָלַכְתָּ עִמִּי מְפִיבֹשֶׁת׃ וַיֹּאמַר
אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ עַבְדִּי רִמָּנִי כִּי־אָמַר עַבְדְּךָ אֶחְבְּשָׁה־לִּי
הַחֲמוֹר וְאֶרְכַּב עָלֶיהָ וְאֵלֵךְ אֶת־הַמֶּלֶךְ כִּי פִסֵּחַ עַבְדֶּךָ׃
כח וַיְרַגֵּל בְּעַבְדְּךָ אֶל־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ כְּמַלְאַךְ
כט הָאֱלֹהִים וַעֲשֵׂה הַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ׃ כִּי לֹא הָיָה כָּל־בֵּית
אָבִי כִּי אִם־אַנְשֵׁי־מָוֶת לַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַתָּשֶׁת אֶת־עַבְדְּךָ
בְּאֹכְלֵי שֻׁלְחָנֶךָ וּמַה־יֶּשׁ־לִי עוֹד צְדָקָה וְלִזְעֹק עוֹד אֶל־
ל הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ לָמָּה תְּדַבֵּר עוֹד דְּבָרֶיךָ
לא אָמַרְתִּי אַתָּה וְצִיבָא תַּחְלְקוּ אֶת־הַשָּׂדֶה׃ וַיֹּאמֶר מְפִיבֹשֶׁת
אֶל־הַמֶּלֶךְ גַּם אֶת־הַכֹּל יִקָּח אַחֲרֵי אֲשֶׁר־בָּא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
לב בְּשָׁלוֹם אֶל־בֵּיתוֹ׃ וּבַרְזִלַּי הַגִּלְעָדִי יָרַד מֵרֹגְלִים
לג וַיַּעֲבֹר אֶת־הַמֶּלֶךְ הַיַּרְדֵּן לְשַׁלְּחוֹ אֶת־בַּיַּרְדֵּן׃ וּבַרְזִלַּי זָקֵן
מְאֹד בֶּן־שְׁמֹנִים שָׁנָה וְהוּא־כִלְכַּל אֶת־הַמֶּלֶךְ בְּשִׁיבָתוֹ
לד בְמַחֲנַיִם כִּי־אִישׁ גָּדוֹל הוּא מְאֹד׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־
בַּרְזִלָּי אַתָּה עֲבֹר אִתִּי וְכִלְכַּלְתִּי אֹתְךָ עִמָּדִי בִּירוּשָׁלָ͏ִם׃
לה וַיֹּאמֶר בַּרְזִלַּי אֶל־הַמֶּלֶךְ כַּמָּה יְמֵי שְׁנֵי חַיַּי כִּי־אֶעֱלֶה
לו אֶת־הַמֶּלֶךְ יְרוּשָׁלָ͏ִם׃ בֶּן־שְׁמֹנִים שָׁנָה אָנֹכִי הַיּוֹם הַאֵדַע ׀
בֵּין־טוֹב לְרָע אִם־יִטְעַם עַבְדְּךָ אֶת־אֲשֶׁר אֹכַל וְאֶת־אֲשֶׁר
אֶשְׁתֶּה אִם־אֶשְׁמַע עוֹד בְּקוֹל שָׁרִים וְשָׁרוֹת וְלָמָּה יִהְיֶה
לז עַבְדְּךָ עוֹד לְמַשָּׂא אֶל־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ כִּמְעַט יַעֲבֹר עַבְדְּךָ

כז׳ ניא אל   לב׳ הורדן קרי

אֶת־הַיַּרְדֵּן אֶת־הַמֶּלֶךְ וְלָמָּה יִגְמְלֵנִי הַמֶּלֶךְ הַגְּמוּלָה
לח הַזֹּאת׃ יָשָׁב־נָא עַבְדְּךָ וְאָמֻת בְּעִירִי עִם קֶבֶר אָבִי וְאִמִּי
וְהִנֵּה ׀ עַבְדְּךָ כִמְהָם יַעֲבֹר עִם־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ וַעֲשֵׂה־לוֹ
לט אֵת אֲשֶׁר־טוֹב בְּעֵינֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אִתִּי יַעֲבֹר כִּמְהָם
וַאֲנִי אֶעֱשֶׂה־לּוֹ אֶת־הַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ וְכֹל אֲשֶׁר־תִּבְחַר עָלַי
מ אֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃ וַיַּעֲבֹר כָּל־הָעָם אֶת־הַיַּרְדֵּן וְהַמֶּלֶךְ עָבָר וַיִּשַּׁק
מא הַמֶּלֶךְ לְבַרְזִלַּי וַיְבָרְכֵהוּ וַיָּשָׁב לִמְקֹמוֹ׃ וַיַּעֲבֹר הַמֶּלֶךְ
הַגִּלְגָּלָה וְכִמְהָן עָבַר עִמּוֹ וְכָל־עַם יְהוּדָה וַיַּעֲבִירוּ אֶת־
מב הַמֶּלֶךְ וְגַם חֲצִי עַם יִשְׂרָאֵל׃ וְהִנֵּה כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל
בָּאִים אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמְרוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ מַדּוּעַ גְּנָבוּךָ אַחֵינוּ
אִישׁ יְהוּדָה וַיַּעֲבִרוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ וְאֶת־בֵּיתוֹ אֶת־הַיַּרְדֵּן
מג וְכָל־אַנְשֵׁי דָוִד עִמּוֹ׃ וַיַּעַן כָּל־אִישׁ יְהוּדָה עַל־אִישׁ
יִשְׂרָאֵל כִּי־קָרוֹב הַמֶּלֶךְ אֵלַי וְלָמָּה זֶּה חָרָה לְךָ עַל־
הַדָּבָר הַזֶּה הֶאָכוֹל אָכַלְנוּ מִן־הַמֶּלֶךְ אִם־נִשֵּׂאת נִשָּׂא לָנוּ׃
מד וַיַּעַן אִישׁ־יִשְׂרָאֵל אֶת־אִישׁ יְהוּדָה וַיֹּאמֶר עֶשֶׂר־
יָדוֹת לִי בַמֶּלֶךְ וְגַם־בְּדָוִד אֲנִי מִמְּךָ וּמַדּוּעַ הֱקִלֹּתַנִי וְלֹא־
הָיָה דְבָרִי רִאשׁוֹן לִי לְהָשִׁיב אֶת־מַלְכִּי וַיִּקֶשׁ דְּבַר־אִישׁ
יְהוּדָה מִדְּבַר אִישׁ יִשְׂרָאֵל׃

כ

א וְשָׁם נִקְרָא אִישׁ בְּלִיַּעַל וּשְׁמוֹ שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי אִישׁ יְמִינִי
וַיִּתְקַע בַּשֹּׁפָר וַיֹּאמֶר אֵין־לָנוּ חֵלֶק בְּדָוִד וְלֹא נַחֲלָה־
ב לָנוּ בְּבֶן־יִשַׁי אִישׁ לְאֹהָלָיו יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעַל כָּל־אִישׁ יִשְׂרָאֵל
מֵאַחֲרֵי דָוִד אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי וְאִישׁ יְהוּדָה דָּבְקוּ
ג בְמַלְכָּם מִן־הַיַּרְדֵּן וְעַד־יְרוּשָׁלִָם׃ וַיָּבֹא דָוִד אֶל־בֵּיתוֹ
יְרוּשָׁלִַם וַיִּקַּח הַמֶּלֶךְ אֵת עֶשֶׂר־נָשִׁים ׀ פִּלַגְשִׁים אֲשֶׁר
הִנִּיחַ לִשְׁמֹר הַבַּיִת וַיִּתְּנֵם בֵּית־מִשְׁמֶרֶת וַיְכַלְכְּלֵם
וַאֲלֵיהֶם לֹא־בָא וַתִּהְיֶינָה צְרֻרוֹת עַד־יוֹם מֻתָן אַלְמְנוּת

יט, מא׳ העבירו קרי

דעם יַרדן מיטן מלך; און נאָך וואָס זאָל מיר דער מלך פאַרגעלטן דידאָזיקע פאַרגעלטונג? 38 זאָל, איך בעט דיך, דיין קנעכט זיך אומקערן, און לאָמיך שטאַרבן אין מיין שטאָט ביים קבר פון מיין פאָטער און מיין מוטער. אָבער אָט איז דיין קנעכט כִּמהָם, זאָל ער אַריבערגיין מיט מיין האַר דעם מלך, און טו מיט אים וואָס איז גוט אין דיינע אויגן.

39 האָט דער מלך געזאָגט: זאָל כִּמהָם אַריבערגיין מיט מיר, און איך וועל טאָן מיט אים וואָס איז גוט אין דיינע אויגן; און אַלץ וואָס דו וועסט פאַרלאַנגען פון מיר, וועל איך דיר טאָן.

40 און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַריבערגעגאַנגען דעם יַרדן, און דער מלך איז אַריבערגעגאַנגען. און דער מלך האָט געקושט בַּרזִלַין, און האָט אים געבענטשט. און ער האָט זיך אומגעקערט אין זיין היים.

41 און דער מלך איז אַריבערגעגאַנגען קיין גִלגָל, און כִּמהָם איז אַריבערגעגאַנגען מיט אים, און דאָס גאַנצע פאָלק פון יהודה, און אויך אַ העלפט פון דעם פאָלק פון ישראל, האָבן אַריבערגעפירט דעם מלך.

42 ערשט אַלע מענער פון ישראל זיינען געקומען צום מלך, און זיי האָבן געזאָגט צום מלך: פאַרוואָס האָבן דיך אַוועקגעגנבעט אונדזערע ברידער, די מענער פון יהודה, און האָבן אַריבערגעפירט דעם מלך און זיין הויזגעזינט איבערן יַרדן, און אַלע מענטשן פון דודן מיט אים? 43 האָבן אַלע מענער פון יהודה געענטפערט די מענער פון ישראל: ווייל דער מלך איז אונדז אַ קרוב. און פאַר־וואָס דען פאַרדריסט אייך אויף דערדאָזיקער זאַך? האָבן מיר דען עסן געגעסן פון דעם מלכס? צי איז אונדז אַ געשאַנק געשאָנקען געוואָרן? 44 האָבן די מענער פון ישראל געענטפערט די מענער פון יהודה, און געזאָגט: מיר האָבן צען חלקים אין מלך, און מיר זיינען אויך בילכער אויף דודן פון אייך, היינט פאַרוואָס האָט איר אונדז צו קליין געמאַכט? און איז ניט אונדזער וואָרט געווען דאָס ערשטע אומצוקערן אונדזער מלך?

און די ווערטער פון די מענער פון יהודה זיינען געווען האַרטער ווי די ווערטער פון די מענער פון ישראל.

כ 1 און דאָרטן האָט זיך געטראָפן אַ נידערטרעכטיקער מאַן וואָס זיין נאָמען איז געווען שֶׁבַע דער זון פון בִּכרִין, אַ מאַן אַ בנימינער; האָט ער געבלאָזן אין שופר, און האָט געזאָגט:

מיר האָבן ניט קיין חלק אין דודן.
און מיר האָבן ניט קיין ירושה אין דעם זון פון יִשַין.
איטלעכער צו זיינע געצעלטן, ישראל!

2 און אַלע מענער פון ישראל זיינען אַוועקגעגאַנגען פון הינטער דודן נאָך שֶׁבַע דעם זון פון בִּכרִין, נאָר די מענער פון יהודה זיינען געווען באַהעפט אָן זייער מלך, פון יַרדן און ביז ירושָלַיִם.

3 און דוד איז געקומען אין זיין הויז אין ירושָלַיִם; און דער מלך האָט גענומען די צען קעפּסווייבער וואָס ער האָט געלאָזן צו היטן דאָס הויז, און ער האָט זיי אַריינגעזעצט אין אַ וואַכהויז, און האָט זיי אויסגעהאַלטן, אָבער ער איז צו זיי ניט געקומען. און זיי זיינען געווען איינגעשפּאַרט ביז דעם טאָג פון זייער טויט, לעבעדיקע אַלמנות.

[4] און דער מלך האָט געזאָגט צו עֲמָשָׂאן: רוף מיר צונויף די מענער פון יהודה אין דריי טעג, דערנאָך שטעל זיך דו דאָ.

[5] איז עֲמָשָׂא געגאַנגען צונויפרופן יהודה, און ער האָט זיך געזאַמט איבער דער צייט וואָס ער האָט אים געשטעלט. [6] האָט דוד געזאָגט צו אֲבִישַׁין: אַצונד וועט אונדז שֶׁבַע דער זון פון בִּכְרִין אָנטאָן מער שלעכטס ווי אַבְשָׁלוֹם. דו נעם די קנעכט פון דיין האַר, און יאָג אים נאָך, טאָמער געפינט ער באַפעסטיקטע שטעט, און וועט זיך אַרויסמאַכן פון אונדזערע אויגן.

[7] זיינען אַרויסגעגאַנגען הינטער אים די מענטשן פון יוֹאָבן, און די כְּרֵתִים און די פְּלֵתִים, און אַלע גיבורים, און זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון ירושָׁלַיִם נאָכצויאָגן שֶׁבַע דעם זון פון בִּכְרִין. [8] ווי זיי זיינען ביים גרויסן שטיין וואָס אין גִבְעוֹן, אַזוי איז עֲמָשָׂא אָנגעקומען אַנטקעגן זיי. און יוֹאָב איז געווען אָנגעגורט אין זיין וואַפנקלייד, און דערויף איז געווען אַ גאַרטל מיט אַ שווערד באַהעפט צו זיינע לענדן אין איר שייד; און ווי ער איז אַרויסגעגאַנגען, אַזוי איז זי אַרויסגעפאַלן. [9] האָט יוֹאָב געזאָגט צו עֲמָשָׂאן: איז פריד צו דיר, מיין ברודער? און יוֹאָבס רעכטע האַנט האָט אָנגענומען עֲמָשָׂאן פאַרן באָרד, כּדי אים צו קושן. [10] און עֲמָשָׂא האָט זיך ניט געהיט פאַר דער שווערד וואָס אין יוֹאָבס האַנט; האָט ער אים אַ זעץ געטאָן מיט איר אין בויך, און אַרויסגעלאָזט זיינע איינגעווייד אויף דער ערד, און ניט געדאַרפט אים טאָן אַ צווייטן; און ער איז געשטאָרבן.

ד חַיּוּת׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־עֲמָשָׂא הַזְעֶק־לִי אֶת־אִישׁ־
ה יְהוּדָה שְׁלֹשֶׁת יָמִים וְאַתָּה פֹּה עֲמֹד׃ וַיֵּלֶךְ עֲמָשָׂא
ו לְהַזְעִיק אֶת־יְהוּדָה וַיִּיחֶר מִן־הַמּוֹעֵד אֲשֶׁר יְעָדוֹ׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־אֲבִישַׁי עַתָּה יֵרַע לָנוּ שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי מִן־אַבְשָׁלוֹם
אַתָּה קַח אֶת־עַבְדֵי אֲדֹנֶיךָ וּרְדֹף אַחֲרָיו פֶּן־מָצָא לוֹ
ז עָרִים בְּצֻרוֹת וְהִצִּיל עֵינֵנוּ׃ וַיֵּצְאוּ אַחֲרָיו אַנְשֵׁי יוֹאָב
וְהַכְּרֵתִי וְהַפְּלֵתִי וְכָל־הַגִּבֹּרִים וַיֵּצְאוּ מִירוּשָׁלַםִ לִרְדֹּף
ח אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי׃ הֵם עִם־הָאֶבֶן הַגְּדוֹלָה אֲשֶׁר
בְּגִבְעוֹן וַעֲמָשָׂא בָּא לִפְנֵיהֶם וְיוֹאָב חָגוּר ׀ מִדּוֹ לְבֻשׁוֹ
וְעָלָו חֲגוֹר חֶרֶב מְצֻמֶּדֶת עַל־מָתְנָיו בְּתַעְרָהּ וְהוּא יָצָא
ט וַתִּפֹּל׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב לַעֲמָשָׂא הֲשָׁלוֹם אַתָּה אָחִי וַתֹּחֶז
י יַד־יְמִין יוֹאָב בִּזְקַן עֲמָשָׂא לִנְשָׁק־לוֹ׃ וַעֲמָשָׂא לֹא־נִשְׁמַר
בַּחֶרֶב ׀ אֲשֶׁר בְּיַד־יוֹאָב וַיַּכֵּהוּ בָהּ אֶל־הַחֹמֶשׁ וַיִּשְׁפֹּךְ
מֵעָיו אַרְצָה וְלֹא־שָׁנָה לוֹ וַיָּמֹת וְיוֹאָב וַאֲבִישַׁי אָחִיו
יא רָדַף אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי׃ וְאִישׁ עָמַד עָלָיו מִנַּעֲרֵי יוֹאָב
וַיֹּאמֶר מִי אֲשֶׁר חָפֵץ בְּיוֹאָב וּמִי אֲשֶׁר־לְדָוִד אַחֲרֵי יוֹאָב׃
יב וַעֲמָשָׂא מִתְגֹּלֵל בַּדָּם בְּתוֹךְ הַמְסִלָּה וַיַּרְא הָאִישׁ כִּי־
עָמַד כָּל־הָעָם וַיַּסֵּב אֶת־עֲמָשָׂא מִן־הַמְסִלָּה הַשָּׂדֶה וַיַּשְׁלֵךְ
יג עָלָיו בֶּגֶד כַּאֲשֶׁר רָאָה כָּל־הַבָּא עָלָיו וְעָמָד׃ כַּאֲשֶׁר
הֹגָה מִן־הַמְסִלָּה עָבַר כָּל־אִישׁ אַחֲרֵי יוֹאָב לִרְדֹּף
יד אַחֲרֵי שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי׃ וַיַּעֲבֹר בְּכָל־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל אָבֵלָה
וּבֵית מַעֲכָה וְכָל־הַבֵּרִים וַיִּקָּלֲהוּ וַיָּבֹאוּ אַף־אַחֲרָיו׃
טו וַיָּבֹאוּ וַיָּצֻרוּ עָלָיו בְּאָבֵלָה בֵּית הַמַּעֲכָה וַיִּשְׁפְּכוּ סֹלְלָה
אֶל־הָעִיר וַתַּעֲמֹד בַּחֵל וְכָל־הָעָם אֲשֶׁר אֶת־יוֹאָב
טז מַשְׁחִיתִם לְהַפִּיל הַחוֹמָה׃ וַתִּקְרָא אִשָּׁה חֲכָמָה מִן־
הָעִיר שִׁמְעוּ שִׁמְעוּ אִמְרוּ־נָא אֶל־יוֹאָב קְרַב עַד־הֵנָּה
יז וַאֲדַבְּרָה אֵלֶיךָ׃ וַיִּקְרַב אֵלֶיהָ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הַאַתָּה

ה׳ וייחר קרי  ח׳ ועלו קרי  ט׳ חסר א׳  יד׳ ויקהלו קרי

און יוֹאָב און זיין ברודער אֲבִישַׁי האָבן נאָכגעיאָגט שֶׁבַע דעם זון פון בִּכְרִין. [11] און אַ מאַן פון יוֹאָבס יונגען איז געשטאַנען איבער אים, און האָט געזאָגט: ווער עס וויל יוֹאָבן, און ווער עס איז פאַר דודן, הינטער יוֹאָבן! [12] און עֲמָשָׂא האָט זיך געקייקלט אין בלוט אויפן מיטן וועג; האָט דער מאַן געזען, אַז דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך אָפּגעשטעלט, און ער האָט אָפּגעדרייט עֲמָשָׂאן פון וועג אויפן פעלד, און אַרויפגעוואָרפן אויף אים אַ בגד, ווען ער האָט געזען אַז איטלעכער וואָס איז צוגעקומען לעבן אים, האָט זיך אָפּגעשטעלט. [13] אַז ער איז אַוועקגענומען געוואָרן פון וועג, איז איטלעכער געגאַנגען הינטער יוֹאָבן, נאָכצויאָגן שֶׁבַע דעם זון פון בִּכְרִין.

[14] און ער איז דורכגעגאַנגען דורך אַלע שבטים פון ישׂראל ביז אָבֵל און בֵּית־מַעֲכָה, און אַלע בֵּרִים; און זיי האָבן זיך איינגעזאַמלט, און זיינען אויך געגאַנגען הינטער אים. [15] און זיי זיינען געקומען און האָבן געלעגערט אויף אים אין אָבֵל פון בֵּית־מַעֲכָה, און זיי האָבן אָנגעשאָטן אַן ערדוואַל אַרום דער שטאָט, און עס איז געשטאַנען אין דעם פעסטונג־גראָבן. און דאָס גאַנצע פאָלק וואָס מיט יוֹאָבן האָבן געהאַלטן אין צעשטערן, כּדי איינצוּוואַרפן די מויער.

[16] האָט אַ קלוגע פרוי גערופן פון דער שטאָט: הערט! הערט! זאָגט, איך בעט אייך, צו יוֹאָבן: גענען ביז אַהער, און איך וועל רעדן צו דיר. [17] האָט ער גענענט צו איר, און די פרוי האָט געזאָגט: ביסט דו

יוֹאָב וַיֹּאמֶר אָנִי וַתֹּאמֶר לוֹ שְׁמַע דִּבְרֵי אֲמָתֶךָ וַיֹּאמֶר
שֹׁמֵעַ אָנֹכִי׃ וַתֹּאמֶר לֵאמֹר דַּבֵּר יְדַבְּרוּ בָרִאשֹׁנָה לֵאמֹר יח
שָׁאוֹל יְשָׁאֲלוּ בְּאָבֵל וְכֵן הֵתַמּוּ׃ אָנֹכִי שְׁלֻמֵי אֱמוּנֵי יט
יִשְׂרָאֵל אַתָּה מְבַקֵּשׁ לְהָמִית עִיר וְאֵם בְּיִשְׂרָאֵל לָמָּה
תְבַלַּע נַחֲלַת יְהוָה׃ וַיַּעַן יוֹאָב וַיֹּאמַר חָלִילָה חָלִילָה כ
לִי אִם־אֲבַלַּע וְאִם־אַשְׁחִית׃ לֹא־כֵן הַדָּבָר כִּי אִישׁ מֵהַר כא
אֶפְרַיִם שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי שְׁמוֹ נָשָׂא יָדוֹ בַּמֶּלֶךְ בְּדָוִד תְּנוּ
אֹתוֹ לְבַדּוֹ וְאֵלְכָה מֵעַל הָעִיר וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶל־יוֹאָב
הִנֵּה רֹאשׁוֹ מֻשְׁלָךְ אֵלֶיךָ בְּעַד הַחוֹמָה׃ וַתָּבוֹא הָאִשָּׁה כב
אֶל־כָּל־הָעָם בְּחָכְמָתָהּ וַיִּכְרְתוּ אֶת־רֹאשׁ שֶׁבַע בֶּן־בִּכְרִי
וַיַּשְׁלִכוּ אֶל־יוֹאָב וַיִּתְקַע בַּשֹּׁפָר וַיָּפֻצוּ מֵעַל־הָעִיר אִישׁ
לְאֹהָלָיו וְיוֹאָב שָׁב יְרוּשָׁלִַם אֶל־הַמֶּלֶךְ׃ וְיוֹאָב אֶל כג
כָּל־הַצָּבָא יִשְׂרָאֵל וּבְנָיָה בֶּן־יְהוֹיָדָע עַל־הַכְּרִי וְעַל־
הַפְּלֵתִי׃ וַאֲדֹרָם עַל־הַמַּס וִיהוֹשָׁפָט בֶּן־אֲחִילוּד הַמַּזְכִּיר׃ כד
וּשְׁיָא סֹפֵר וְצָדוֹק וְאֶבְיָתָר כֹּהֲנִים׃ וְגַם עִירָא הַיָּאִרִי הָיָה כה כו
כֹהֵן לְדָוִד׃

## כא

וַיְהִי רָעָב בִּימֵי דָוִד שָׁלֹשׁ שָׁנִים שָׁנָה אַחֲרֵי שָׁנָה וַיְבַקֵּשׁ א
דָּוִד אֶת־פְּנֵי יְהוָה * וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־שָׁאוּל
וְאֶל־בֵּית הַדָּמִים עַל אֲשֶׁר־הֵמִית אֶת־הַגִּבְעֹנִים׃ וַיִּקְרָא ב
הַמֶּלֶךְ לַגִּבְעֹנִים וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם וְהַגִּבְעֹנִים לֹא מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל
הֵמָּה כִּי אִם־מִיֶּתֶר הָאֱמֹרִי וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל נִשְׁבְּעוּ לָהֶם
וַיְבַקֵּשׁ שָׁאוּל לְהַכֹּתָם בְּקַנֹּאתוֹ לִבְנֵי־יִשְׂרָאֵל וִיהוּדָה׃
וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־הַגִּבְעֹנִים מָה אֶעֱשֶׂה לָכֶם וּבַמָּה אֲכַפֵּר ג
וּבָרְכוּ אֶת־נַחֲלַת יְהוָה׃ וַיֹּאמְרוּ לוֹ הַגִּבְעֹנִים אֵין־לִי ד
כֶּסֶף וְזָהָב עִם־שָׁאוּל וְעִם־בֵּיתוֹ וְאֵין־לָנוּ אִישׁ לְהָמִית
בְּיִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר מָה־אַתֶּם אֹמְרִים אֶעֱשֶׂה לָכֶם׃ וַיֹּאמְרוּ ה

כ, כג׳ הכרתי קרי   כד׳ פתח באתנח   כה׳ ושוא קרי
כא, א׳ פסקא באמצע פסוק   ד׳ לנו קרי

יאָב? האָט ער געזאָגט: איך. האָט זי צו אים געזאָגט: הער די ווערטער פון דיין דינסט. האָט ער געזאָגט: איך הער. 18 האָט זי געזאָגט, אַזוי צו זאָגן: רעדן האָט מען געזאָלט רעדן צוערשט, אַזוי צו זאָגן, פרעגן האָט מען געזאָלט פרעגן ביי אָבֵל, און אַזוי אַרום וואָלט מען אָפּגע־ענדיקט. 19 מיר זיינען פרידלעכע געטרייע פון ישראל; ווילסטו טייטן אַ שטאָט און אַ מוטער אין ישראל? נאָך וואָס זאָלסטו אומברענגען די נחלה פון גאָט? 20 האָט יואָב געענטפערט און געזאָגט: חלילה, חלילה מיר, אויב איך וועל אומברענגען און אויב איך וועל צעשטערן! 21 ניט אַזוי איז די זאַך; נייערט אַ מאַן פון דעם געבערג פון אפרים, וואָס זיין נאָמען איז שֶׁבַע דער זון פון בִּכרין, האָט אויפגעהויבן זיין האַנט אַקעגן דעם מלך, אַקעגן דודן. גיט אַרויס אים אַליין, און איך וועל אַוועקגיין פון דער שטאָט. האָט די פרוי געזאָגט צו יואָבן: אָט ווערט דיר זיין קאָפּ אַראָפּגעוואָרפן פון דער מויער.

22 און די פרוי איז געקומען צו דעם גאַנצן פאָלק מיט איר חכמה, און זיי האָבן אָפּגעשניטן דעם קאָפּ פון שֶׁבַע דעם זון פון בִּכרין, און אַראָפּגעוואָרפן צו יואָבן. און ער האָט געבלאָזן אין שופר, און זיי האָבן זיך צע־שפּרייט פון דער שטאָט, איטלעכער צו זיינע געצעלטן. און יואָב האָט זיך אומגעקערט קיין ירושָלַים צום מלך.

23 און יואָב איז געווען איבער דעם גאַנצן חיל פון ישראל; און בְּנָיָה דער זון פון יהוֹיָדָען, איבער די כְּרֵתים און איבער די פְּלֵתים; 24 און אַדוֹרָם, איבער דעם צינז; און יהוֹשָׁפָט דער זון פון אַחילודן, דער דערמאָנער; 25 און שְׁוָא, דער שרייבער; און צָדוק און אֶבְיָתָר, כֹּהנים. 26 און אויך עִירָא פון יָאיר איז געווען אַן אויבערמאַן ביי דודן.

## כא

1 און עס איז געווען אַ הונגער אין די טעג פון דודן, דריי יאָר, אַ יאָר נאָך אַ יאָר, און דוד האָט געזוכט דעם פּנים פון גאָט. האָט גאָט געזאָגט: דאָס איז פון וועגן שָאולן און פון וועגן דעם בלוטיקן הויז, פאַרוואָס ער האָט געטייט די גִבְעוֹנים.

2 האָט דער מלך גערופן די גִבְעוֹנים, און ער האָט צו זיי גערעדט—און די גִבְעוֹנים זיינען ניט געווען פון די קינדער פון ישראל, נאָר פון דעם איבערבלייב פון אֶמורי; און די קינדער פון ישראל האָבן געשוואָרן צו זיי; און שָאול האָט זיי געזוכט צו דערשלאָגן אין זיין אייפערדיקייט פאַר די קינדער פון ישראל און יהודה— 3 און דוד האָט געזאָגט צו די גִבְעוֹנים: וואָס זאָל איך אייך טאָן, און מיט וואָס קען איך מכפּר זיין, אַז איר זאָלט בענטשן די נחלה פון גאָט? 4 האָבן די גִבְעוֹנים צו אים געזאָגט: אונדז קומט ניט קיין זילבער און גאָלד פון שָאולן און פון זיין הויז, און אונדז גייט ניט דערום צו טייטן אַ מענטשן פון ישראל. האָט ער געזאָגט: וואָס פאַרלאַנגט איר, איך זאָל אייך טאָן? 5 האָבן זיי געזאָגט

צום מלך: דער מאַן וואָס האָט אונדז פאַרלענדט, און וואָס האָט געפּלאַנט קעגן אונדז ביז מיר זיינען פאַרטיליקט געוואָרן פון צו האָבן אַ באַשטאַנד אין גאַנצן גבול פון ישראל, 6 פון זיינע קינדער זאָלן אונדז איבערגעגעבן ווערן זיבן מאַן, און מיר וועלן זיי אויפהענגען פאַר גאָט אויפן בערגל פון שָאולא, דעם אויסדערוויילטן פון גאָט. האָט דער מלך געזאָגט: איך וועל געבן.

7 און דער מלך האָט געשוינט מפיבוֹשֶת דעם זון פון יהוֹנָתָן דעם זון פון שָאולן, איבער דער שבועה פון גאָט וואָס צווישן זיי, צווישן דודן און צווישן יהוֹנָתָן דעם זון פון שָאולן. 8 האָט דער מלך גענומען די צוויי זין פון רִצְפָּה דער טאָכטער פון אַיָהן, וואָס זי האָט געבאָרן פון שָאולן, אַרמוֹנין און מפיבוֹשֶתן, און די פינף זין פון מיכל דער טאָכטער פון שָאולן, וואָס זי האָט געבאָרן פון עַדריאֵל דעם זון פון בַּרזִלַין, פון מחוֹלָה; 9 און ער האָט זיי איבערגעגעבן אין דער האַנט פון די גִבְעוֹנים, און זיי האָבן זיי אויפגעהאַנגען אויפן באַרג פאַר גאָט; און זיי זיינען אומגעקומען אַלע זיבן אין איינעם. און זיי זיינען געטייט געוואָרן אין די ערשטע טעג פון שניט, אין אָנהייב גערשטנשניט.

10 און רִצְפָּה די טאָכטער פון אַיָהן האָט גענומען אַ זאַק, און האָט עס זיך אויסגעשפּרייט אויפן פעלז, פון אָנהייב שניט ביז עס האָט זיך אַראָפּגעגאָסן אויף זיי וואַסער פון הימל. און זי האָט ניט געלאָזט אַ פויגל פון הימל זיך אַראָפּלאָזן אויף זיי ביי טאָג, און אַ חיה פון פעלד ביי נאַכט.

11 איז דערציילט געוואָרן דודן וואָס רִצְפָּה די טאָכטער פון אַיָהן, די קעפּסווייב פון שָאולן, האָט געטאָן. 12 איז דוד געגאַנגען, און האָט גענומען די ביינער פון שָאולן, און די ביינער פון יהוֹנָתָן זיין זון, פון די מענער פון יָבֵיש־גִלעָד, וואָס האָבן זיי אַוועקגעגנבעט פון דעם מאַרק פון בֵּית־שָן וואָס די פלִשתּים האָבן זיי דאָרטן געהאַט אויפגעהאַנגען, אין דעם טאָג וואָס די פלִשתּים האָבן געשלאָגן שָאולן אין גִלבוֹעַ. 13 און ער האָט אַרויפגעבראַכט פון דאָרטן די ביינער פון שָאולן, און די ביינער פון יהוֹנָתָן זיין זון; און מע האָט אויפגעקליבן די ביינער פון די געהאַנגענע. 14 און מע האָט באַגראָבן די ביינער פון שָאולן און יהוֹנָתָן זיין זון אין לאַנד בנימין, אין צֵלָע, אין דעם קבר פון זיין פאָטער קישן; און מע האָט געטאָן אַלץ וואָס דער מלך האָט באַפוילן.

און גאָט האָט זיך איבערגעבעטן צום לאַנד נאָך דעם.

15 און די פלִשתּים האָבן ווידער געהאַט אַ מלחמה מיט ישראל, און דוד און זיינע קנעכט מיט אים האָבן אַראָפּגענידערט, און האָבן מלחמה געהאַלטן מיט די פלִשתּים, און דוד איז אָפּגעשלאַפט געוואָרן. 16 און יִשבּי־בנוֹב וואָס איז געווען פון די קינדער פון דעם רָפָהב, און די וואָג פון זיין שפּיז איז געווען דריי הונדערט שֶקל קופּער,

אֶל־הַמֶּלֶךְ הָאִישׁ אֲשֶׁר כִּלָּנוּ וַאֲשֶׁר דִּמָּה־לָנוּ נִשְׁמַדְנוּ
ו מֵהִתְיַצֵּב בְּכָל־גְּבֻל יִשְׂרָאֵל׃ יֻתַּן־לָנוּ שִׁבְעָה אֲנָשִׁים
מִבָּנָיו וְהוֹקַעֲנוּם לַיהוָה בְּגִבְעַת שָׁאוּל בְּחִיר יְהוָה
ז וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֲנִי אֶתֵּן׃ וַיַּחְמֹל הַמֶּלֶךְ עַל־מְפִיבֹשֶׁת
בֶּן־יְהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל עַל־שְׁבֻעַת יְהוָה אֲשֶׁר בֵּינֹתָם בֵּין
ח דָּוִד וּבֵין יְהוֹנָתָן בֶּן־שָׁאוּל׃ וַיִּקַּח הַמֶּלֶךְ אֶת־שְׁנֵי בְּנֵי
רִצְפָּה בַת־אַיָּה אֲשֶׁר יָלְדָה לְשָׁאוּל אֶת־אַרְמֹנִי וְאֶת־
מְפִבֹשֶׁת וְאֶת־חֲמֵשֶׁת בְּנֵי מִיכַל בַּת־שָׁאוּל אֲשֶׁר יָלְדָה
ט לְעַדְרִיאֵל בֶּן־בַּרְזִלַּי הַמְּחֹלָתִי׃ וַיִּתְּנֵם בְּיַד הַגִּבְעֹנִים
וַיֹּקִיעֻם בָּהָר לִפְנֵי יְהוָה וַיִּפְּלוּ שְׁבַעְתָּים יָחַד וְהֵם הֻמְתוּ
י בִּימֵי קָצִיר בָּרִאשֹׁנִים תְּחִלַּת קְצִיר שְׂעֹרִים׃ וַתִּקַּח
רִצְפָּה בַת־אַיָּה אֶת־הַשַּׂק וַתַּטֵּהוּ לָהּ אֶל־הַצּוּר מִתְּחִלַּת
קָצִיר עַד נִתַּךְ־מַיִם עֲלֵיהֶם מִן־הַשָּׁמָיִם וְלֹא־נָתְנָה עוֹף
הַשָּׁמַיִם לָנוּחַ עֲלֵיהֶם יוֹמָם וְאֶת־חַיַּת הַשָּׂדֶה לָיְלָה׃
יא וַיֻּגַּד לְדָוִד אֵת אֲשֶׁר־עָשְׂתָה רִצְפָּה בַת־אַיָּה
יב פִּלֶגֶשׁ שָׁאוּל׃ וַיֵּלֶךְ דָּוִד וַיִּקַּח אֶת־עַצְמוֹת שָׁאוּל וְאֶת־
עַצְמוֹת יְהוֹנָתָן בְּנוֹ מֵאֵת בַּעֲלֵי יָבֵישׁ גִּלְעָד אֲשֶׁר גָּנְבוּ
אֹתָם מֵרְחֹב בֵּית־שַׁן אֲשֶׁר תְּלָאוּם שָׁם הַפְּלִשְׁתִּים בְּיוֹם
יג הַכּוֹת פְּלִשְׁתִּים אֶת־שָׁאוּל בַּגִּלְבֹּעַ׃ וַיַּעַל מִשָּׁם אֶת־
עַצְמוֹת שָׁאוּל וְאֶת־עַצְמוֹת יְהוֹנָתָן בְּנוֹ וַיַּאַסְפוּ אֶת־עַצְמוֹת
יד הַמּוּקָעִים׃ וַיִּקְבְּרוּ אֶת־עַצְמוֹת־שָׁאוּל וִיהוֹנָתָן־בְּנוֹ בְּאֶרֶץ
בִּנְיָמִן בְּצֵלָע בְּקֶבֶר קִישׁ אָבִיו וַיַּעֲשׂוּ כֹּל אֲשֶׁר־צִוָּה
טו הַמֶּלֶךְ וַיֵּעָתֵר אֱלֹהִים לָאָרֶץ אַחֲרֵי־כֵן׃ וַתְּהִי־עוֹד
מִלְחָמָה לַפְּלִשְׁתִּים אֶת־יִשְׂרָאֵל וַיֵּרֶד דָּוִד וַעֲבָדָיו עִמּוֹ
טז וַיִּלָּחֲמוּ אֶת־פְּלִשְׁתִּים וַיָּעַף דָּוִד׃ וְיִשְׁבּוֹ בְּנֹב אֲשֶׁר ׀
בִּילִידֵי הָרָפָה וּמִשְׁקַל קֵינוֹ שְׁלֹשׁ מֵאוֹת מִשְׁקַל נְחֹשֶׁת
יז וְהוּא חָגוּר חֲדָשָׁה וַיֹּאמֶר לְהַכּוֹת אֶת־דָּוִד׃ וַיַּעֲזָר־לוֹ

ו׳ יתן קרי — פסקא באמצע פסוק — ט׳ יחיד ה — והמה קרי
בתחלת קרי — יב׳ תלאום קרי — שמה פלשתים קי — טז׳ וישבי ק

א גִבְעַת־שָאול. ב אַ שטאַם פון ריזן, זע דברים ב, 11.

אֲבִישַׁי בֶּן־צְרוּיָה וַיַּךְ אֶת־הַפְּלִשְׁתִּי וַיְמִתֵהוּ אָז נִשְׁבְּעוּ
אַנְשֵׁי־דָוִד לוֹ לֵאמֹר לֹא־תֵצֵא עוֹד אִתָּנוּ לַמִּלְחָמָה וְלֹא
תְכַבֶּה אֶת־נֵר יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן וַתְּהִי־עוֹד יח
הַמִּלְחָמָה בְּגוֹב עִם־פְּלִשְׁתִּים אָז הִכָּה סִבְּכַי הַחֻשָׁתִי אֶת־
סַף אֲשֶׁר בִּילִדֵי הָרָפָה׃ וַתְּהִי־עוֹד הַמִּלְחָמָה יט
בְּגוֹב עִם־פְּלִשְׁתִּים וַיַּךְ אֶלְחָנָן בֶּן־יַעְרֵי אֹרְגִים בֵּית הַלַּחְמִי
אֵת גָּלְיָת הַגִּתִּי וְעֵץ חֲנִיתוֹ כִּמְנוֹר אֹרְגִים׃ וַתְּהִי־ כ
עוֹד מִלְחָמָה בְּגַת וַיְהִי ׀ אִישׁ מָדִין וְאֶצְבְּעֹת יָדָיו וְאֶצְבְּעוֹת
רַגְלָיו שֵׁשׁ וָשֵׁשׁ עֶשְׂרִים וְאַרְבַּע מִסְפָּר וְגַם־הוּא יֻלַּד
לְהָרָפָה׃ וַיְחָרֵף אֶת־יִשְׂרָאֵל וַיַּכֵּהוּ יְהוֹנָתָן בֶּן־שִׁמְעִי אֲחִי כא
דָוִד׃ אֶת־אַרְבַּעַת אֵלֶּה יֻלְּדוּ לְהָרָפָה בְּגַת וַיִּפְּלוּ בְיַד־ כב
דָּוִד וּבְיַד עֲבָדָיו׃

## כב

* וַיְדַבֵּר דָּוִד לַיהוָה אֶת־דִּבְרֵי הַשִּׁירָה הַזֹּאת א
בְּיוֹם הִצִּיל יְהוָה אֹתוֹ מִכַּף כָּל־אֹיְבָיו וּמִכַּף שָׁאוּל׃
וַיֹּאמַר יְהוָה סַלְעִי וּמְצֻדָתִי וּמְפַלְטִי־לִי׃ אֱלֹהֵי ב ג
צוּרִי אֶחֱסֶה־בּוֹ מָגִנִּי וְקֶרֶן יִשְׁעִי מִשְׂגַּבִּי
וּמְנוּסִי מֹשִׁעִי מֵחָמָס תֹּשִׁעֵנִי׃ מְהֻלָּל ד
אֶקְרָא יְהוָה וּמֵאֹיְבַי אִוָּשֵׁעַ׃ כִּי אֲפָפֻנִי מִשְׁבְּרֵי־ ה
מָוֶת נַחֲלֵי בְלִיַּעַל יְבַעֲתֻנִי׃ חֶבְלֵי ו
שְׁאוֹל סַבֻּנִי קִדְּמֻנִי מֹקְשֵׁי־
מָוֶת׃ בַּצַּר־לִי אֶקְרָא יְהוָה וְאֶל־ ז
אֱלֹהַי אֶקְרָא וַיִּשְׁמַע מֵהֵיכָלוֹ
קוֹלִי וְשַׁוְעָתִי בְּאָזְנָיו׃ וַיִּתְגָּעַשׁ ח
וַתִּרְעַשׁ הָאָרֶץ מוֹסְדוֹת הַשָּׁמַיִם
יִרְגָּזוּ וַיִּתְגָּעֲשׁוּ כִּי־חָרָה לוֹ׃ עָלָה ט
עָשָׁן בְּאַפּוֹ וְאֵשׁ מִפִּיו

כ א, יט׳ ר׳ זעירא   כ׳ מדון קרי   כא׳ שמעה קרי
כ ב, א׳ הפטרה האזינו ויום ז׳ של פסח   ח׳ ויתגעש קרי

און ער איז געווען אָנגעגורט מיט אַ נייער [שווערד], און האָט געוואָלט דערשלאָגן דודן. [17] אָבער אַבִישַׁי דער זון פון צרויָהן איז אים געקומען צו הילף, און האָט געשלאָגן דעם פּלִשתּי און אים געטייט. דענסמאָל האָבן דודס מענטשן געשוואָרן פאַר אים, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט מער ניט אַרויס־גיין מיט אונדז אין מלחמה, כּדי זאָלסט ניט פאַרלעשן דאָס ליכט פון ישראל.

[18] און עס איז געווען נאָך דעם, איז ווידער געווען אַ מלחמה אין גוֹב מיט די פּלִשתּים; דענסמאָל האָט סִבּכַי פון חוּשָׁה דערשלאָגן סַפן וואָס פון די קינדער פון דעם רָפָה.

[19] און עס איז ווידער געווען אַ מלחמה אין גוֹב מיט די פּלִשתּים; און אֶלחָנָן דער זון פון יַעֲרֵי־אוֹרגִים דער בֵּית־לַחמער האָט דערשלאָגן גָלְיָתן פון גַת, וואָס דער האָלץ פון זיין שפּיז איז געווען אַזוי ווי דער שטאַנג פון וועבער.

[20] און עס איז ווידער געווען אַ מלחמה אין גַת. איז דאָרטן געווען אַ מאַן פון שטרייט וואָס די פינגער פון זיינע הענט און די פינגער פון זיינע פיס זיינען געווען צו זעקס און זעקס, פיר און צוואַנציק אין צאָל. און ער אויך איז געווען געבאָרן פון דעם רָפָה. [21] און ער האָט גע־לעסטערט ישראל; האָט אים יהוֹנָתָן דער זון פון שִׁמעִי, דודס ברודער, דערשלאָגן.

[22] דידאָזיקע פיר זיינען געווען געבאָרן פון דעם רָפָה אין גַת. און זיי זיינען געפאַלן דורך דער האַנט פון דודן, און דורך דער האַנט פון זיינע קנעכט.

## כב

[1] און דוד האָט גערעדט צו גאָט די ווערטער פון דעמדאָזיקן געזאַנג, אין דעם טאָג וואָס גאָט האָט אים מציל געווען פון דער האַנט פון אַלע זיינע פיינט, און פון דער האַנט פון שָאולן. [2] און ער האָט געזאָגט:

יהוה איז מיין פעלז און מיין פעסטונג,
און דער וואָס מאַכט מיך אַנטרינען;
[3] גאָט מיין פעלז וואָס איך שיץ מיך אין אים,
מיין שילד און דער האָרן פון מיין הילף,
מיין טורעם און מיין אַנטרינונג,
מיין העלפער, וואָס העלפסט מיך פון אומרעכט.
[4] איך רוף: געלויבט איז יהוה!
און פון מיינע פיינט ווער איך געהאָלפן.

[5] וואָרום אַרומגערינגלט האָבן מיך וועלן פון טויט,
טייכן פון אונטערגאַנג האָבן מיך געשראָקן;
[6] שטריק פון אונטערערד האָבן מיך אַרומגענומען,
אַקעגנגעקומען זיינען מיר נעצן פון טויט.
[7] האָב איך אין מיין נויט גערופן צו יהוה,
יאָ, צו מיין גאָט האָב איך גערופן,
און ער האָט געהערט פון זיין טעמפּל מיין קול,
און מיין געשריי [איז געקומען] אין זיינע אויערן.
[8] און געשאָקלט און געוואַקלט האָט זיך די ערד.
די גרונטפעסטן פון הימל האָבן געציטערט;
זיי האָבן זיך געשאָקלט, ווייל ער האָט געצערנט;

9 אַ רויך איז אויפגעגאַנגען אין זיין נאָז,
און פון זיין מויל האָט אַ פייער פאַרצערט;
קוילן האָבן געברענט פון אים.
10 און ער האָט גענייגט דעם הימל און גענידערט,
מיט אַ נעבל אונטער זיינע פיס.
11 און ער איז געריטן אויף אַ כרוב און געפלויגן,
און זיך באַוויזן אויף פליגלען פון ווינט.
12 און ער האָט געמאַכט פינצטערניש פאַר ביידלעך
אַרום אים;
אַ זאַמלונג פון וואַסערן, וואָלקנס געדיכטע.
13 פון דעם שימער פאַר אים
האָבן פייערקוילן געברענט.
14 געדונערט פון הימל האָט גאָט,
און דער העכסטער האָט אַרויסגעלאָזט זיין קול.
15 און ער האָט אַרויסגעשיקט פיילן און זיי צעשפּרייט,
אַ בליץ—און זיי פאַרטומלט.
16 און די גראָבנס פון ים האָבן זיך באַוויזן,
די גרונטפעסטן פון דער וועלט זיינען אַנטפּלעקט
געוואָרן,
דורך דעם אָנגעשריי פון גאָט,
פון דעם אָטעמבלאָז פון זיין נאָז.

17 ער האָט אויסגעשטרעקט פון דער הייך און מיך
גענומען,
מיך אַרויסגעצויגן פון וואַסערן גרויסע.
18 ער האָט מיך מציל געווען פון מיין מאַכטיקן פיינט,
פון מיינע שׂונאים, ווען זיי זיינען געווען שטאַרקער
פון מיר.
19 זיי זיינען מיר אַקעגנגעקומען אין טאָג פון מיין בראָך,
אָבער גאָט איז מיר אַן אָנלען געווען.
20 ער האָט מיך אַרויסגעפירט אין דער ברייטערניש,
מיך אַרויסגעצויגן, ווייל ער האָט מיך באַגערט.
21 גאָט פאַרגעלט מיך לויט מיין גערעכטיקייט,
לויט דער ריינקייט פון מיינע הענט קערט ער מיר
אום.
22 וואָרום איך האָב געהיט די וועגן פון יהוה,
און ניט פאַרבראָכן אַקעגן מיין גאָט.
23 וואָרום אַלע זיינע געזעצן זיינען פאַר מיר,
און זיינע חוקים, דערפון קער איך ניט אָפּ.
24 און איך בין געווען צו אים גאַנץ,

תֹּאכֵל   גֶּחָלִים בָּעֲרוּ מִמֶּנּוּ׃   וַיֵּט
שָׁמַיִם וַיֵּרַד   וַעֲרָפֶל תַּחַת
יא רַגְלָיו׃   וַיִּרְכַּב עַל־כְּרוּב וַיָּעֹף   וַיֵּרָא
יב עַל־כַּנְפֵי־רוּחַ׃   וַיָּשֶׁת חֹשֶׁךְ סְבִיבֹתָיו
יג סֻכּוֹת   חַשְׁרַת־מַיִם עָבֵי שְׁחָקִים׃   מִנֹּגַהּ
יד נֶגְדּוֹ בָּעֲרוּ גַּחֲלֵי־אֵשׁ׃   יַרְעֵם מִן־שָׁמַיִם
טו יְהוָה   וְעֶלְיוֹן יִתֵּן קוֹלוֹ׃   וַיִּשְׁלַח
טז חִצִּים וַיְפִיצֵם בָּרָק וַיָּהֹם׃   וַיֵּרָאוּ אֲפִקֵי
יָם   יִגָּלוּ מֹסְדוֹת תֵּבֵל   בְּגַעֲרַת
יז יְהוָה מִנִּשְׁמַת רוּחַ אַפּוֹ׃   יִשְׁלַח מִמָּרוֹם
יח יִקָּחֵנִי   יַמְשֵׁנִי מִמַּיִם רַבִּים׃   יַצִּילֵנִי
מֵאֹיְבִי עָז   מִשֹּׂנְאַי כִּי אָמְצוּ
יט מִמֶּנִּי׃   יְקַדְּמֻנִי בְּיוֹם אֵידִי   וַיְהִי
כ יְהוָה מִשְׁעָן לִי׃   וַיֹּצֵא לַמֶּרְחָב
כא אֹתִי   יְחַלְּצֵנִי כִּי־חָפֵץ בִּי׃   יִגְמְלֵנִי
יְהוָה כְּצִדְקָתִי   כְּבֹר יָדַי יָשִׁיב
כב לִי׃   כִּי שָׁמַרְתִּי דַּרְכֵי יְהוָה   וְלֹא
כג רָשַׁעְתִּי מֵאֱלֹהָי׃   כִּי כָל־מִשְׁפָּטָו
כד לְנֶגְדִּי   וְחֻקֹּתָיו לֹא־אָסוּר מִמֶּנָּה׃   וָאֶהְיֶה
כה תָמִים לוֹ וָאֶשְׁתַּמְּרָה מֵעֲוֹנִי׃   וַיָּשֶׁב יְהוָה לִי
כו כְּצִדְקָתִי   כְּבֹרִי לְנֶגֶד עֵינָיו׃   עִם־
חָסִיד תִּתְחַסָּד   עִם־גְּבוֹר תָּמִים
כז תִּתַּמָּם׃   עִם־נָבָר תִּתָּבָר   וְעִם־
כח עִקֵּשׁ תִּתַּפָּל׃   וְאֶת־עַם עָנִי
כט תּוֹשִׁיעַ   וְעֵינֶיךָ עַל־רָמִים תַּשְׁפִּיל׃   כִּי־
אַתָּה נֵירִי יְהוָה   וַיהוָה יַגִּיהַּ
ל חָשְׁכִּי׃   כִּי בְכָה אָרוּץ גְּדוּד   בֵּאלֹהַי

טו' וידם קרי   כג' משפטיו קרי

און האָב מיך געהיט פון מיין זינדיקייט.
25 דרום האָט מיר אומגעקערט גאָט לויט מיין גערעכטיקייט,
לויט מיין ריינקייט פאַר זיינע אויגן.

26 מיט דעם גענאָדיקן ווייזטו זיך גענאָדיק,
מיט דעם ערלעכן מאַן ווייזטו זיך ערלעך.
27 מיט דעם ריינעם ווייזטו זיך ריין,
און מיט דעם קרומען ווייזטו זיך פאַרדרייט.
28 און דאָס אָרימע פאָלק טוסטו העלפן,
און דיינע אויגן זיינען אויף די הויכע,
דו זאָלסט זיי דערנידערן.

29 וואָרום דו ביסט מיין ליכט יהוה,
און יהוה באַשיינט מיין פינצטערניש.

אֲדַלֶּג־שׁוּר׃ הָאֵל תָּמִים לא
דַּרְכּוֹ אִמְרַת יְהוָה צְרוּפָה מָגֵן
הוּא לְכֹל הַחֹסִים בּוֹ׃ כִּי מִי־אֵל מִבַּלְעֲדֵי לב
יְהוָה וּמִי צוּר מִבַּלְעֲדֵי אֱלֹהֵינוּ׃ הָאֵל לג
מָעוּזִּי חָיִל וַיַּתֵּר תָּמִים
דַּרְכּוֹ׃ מְשַׁוֶּה רַגְלָיו כָּאַיָּלוֹת וְעַל־ לד
בָּמֹתַי יַעֲמִדֵנִי׃ מְלַמֵּד יָדַי לה
לַמִּלְחָמָה וְנִחַת קֶשֶׁת־נְחוּשָׁה זְרֹעֹתָי׃ וַתִּתֶּן־ לו
לִי מָגֵן יִשְׁעֶךָ וַעֲנֹתְךָ תַּרְבֵּנִי׃ תַּרְחִיב צַעֲדִי לז
תַּחְתֵּנִי וְלֹא מָעֲדוּ קַרְסֻלָּי׃ אֶרְדְּפָה לח
אֹיְבַי וָאַשְׁמִידֵם וְלֹא אָשׁוּב עַד־
כַּלּוֹתָם׃ וָאֲכַלֵּם וָאֶמְחָצֵם וְלֹא יְקוּמוּן וַיִּפְּלוּ לט
תַּחַת רַגְלָי׃ וַתַּזְרֵנִי חַיִל מ
לַמִּלְחָמָה תַּכְרִיעַ קָמַי תַּחְתֵּנִי׃ וְאֹיְבַי מא
תַּתָּה לִּי עֹרֶף מְשַׂנְאַי וָאַצְמִיתֵם׃ יִשְׁעוּ וְאֵין מב
מֹשִׁיעַ אֶל־יְהוָה וְלֹא עָנָם׃ וְאֶשְׁחָקֵם מג
כַּעֲפַר־אָרֶץ כְּטִיט־חוּצוֹת אֲדִקֵּם
אֶרְקָעֵם׃ וַתְּפַלְּטֵנִי מֵרִיבֵי עַמִּי תִּשְׁמְרֵנִי מד
לְרֹאשׁ גּוֹיִם עַם לֹא־יָדַעְתִּי
יַעַבְדֻנִי׃ בְּנֵי נֵכָר יִתְכַּחֲשׁוּ־לִי לִשְׁמוֹעַ מה
אֹזֶן יִשָּׁמְעוּ לִי׃ בְּנֵי נֵכָר יִבֹּלוּ וְיַחְגְּרוּ מו
מִמִּסְגְּרוֹתָם׃ חַי־יְהוָה וּבָרוּךְ צוּרִי וְיָרֻם מז
אֱלֹהֵי צוּר יִשְׁעִי׃ הָאֵל הַנֹּתֵן נְקָמֹת מח
לִי וּמוֹרִיד עַמִּים תַּחְתֵּנִי׃ וּמוֹצִיאִי מט
מֵאֹיְבָי וּמִקָּמַי תְּרוֹמְמֵנִי מֵאִישׁ חֲמָסִים
תַּצִּילֵנִי׃ עַל־כֵּן אוֹדְךָ יְהוָה בַּגּוֹיִם וּלְשִׁמְךָ נ
אֲזַמֵּר׃ מִגְדּוֹל יְשׁוּעוֹת נא

לג׳ שורק עם הדגש דרכי קרי לד׳ רגלי קרי מ׳ חסר א׳
מד׳ סבירין עמים נא׳ מגדול קרי

30 וואָרום מיט דיר לויף איך קעגן אַ מחנה,
מיט מײַן גאָט שפּרינג איך אַ מויער אַריבער.
31 גאָט—זײַן וועג איז גאַנץ;
דאָס וואָרט פון יהוה איז געלײַטערט,
ער איז אַ שילד פאַר אַלע וואָס שיצן זיך אין אים,

32 וואָרום ווער איז אַ גאָט אויסער יהוה,
און ווער אַ פעלז אויסער אונדזער גאָט?
33 דער גאָט וואָס איז מײַן שטאַרקע פעסטונג,
און לאָזט גײן גלײַך מײַן וועג.
34 ער מאַכט מײַנע פיס גלײַך ווי די הינדן,
און אויף מײַנע הייכן טוט ער מיך שטעלן.
35 ער לערנט מײַנע הענט צו מלחמה,
און אַ קופּערנעם בויגן בייגן אַראָפּ מײַנע אָרעמס.
36 און האָסט מיר געגעבן דעם שילד פון דײַן הילף,
און דײַן מילדקייט טוט מיך גרייסן.
37 דערברייטערסט מײַן טריט אונטער מיר,
און ניט אויסגעגליטשט האָבן זיך מײַנע קנעכלעך.

38 איך האָב געיאָגט מײַנע פײַנט און זיי פאַרטיליקט,
און זיך ניט אומגעקערט ביז איך האָב זיי פאַרלענדט.
39 יאָ, איך האָב זיי פאַרלענדט און זיי צעהאַקט,
אַז זיי קענען ניט אויפשטײן;
און זיי זײַנען געפאַלן אונטער מײַנע פיס.

40 און האָסט מיך באַגורט מיט שטאַרקייט פאַר מלחמה,
האָסט געבייגט מײַנע קעגנשטייער אונטער מיר.
41 און מײַנע פײַנט האָסטו געמאַכט מיטן נאַקן צו מיר,
מײַנע שׂונאים—איך זאָל זיי פאַרשנײַדן.
42 זיי האָבן זיך אומגעקוקט, און ניט געווען קיין העלפער,
צו גאָט—און ער האָט זיי ניט געענטפערט.
43 און איך האָב זיי צעריבן ווי שטויב פון דער ערד,
ווי גאַסנקויט זיי צעדריקט, זיי צעטרעטן.
44 און האָסט מיך געמאַכט אַנטרינען פון די קריג פון מײַן פאָלק,
מיך געהיט אויף צו ווערן דער קאָפּ פון די אומות;
אַ פאָלק וואָס איך קען ניט, טוט מיר דינען.

45 די קינדער פון דעם פרעמדן גײען אײַן פאַר מיר,
פון הערן מיטן אויער געהאָרכן זיי מיר.
46 די קינדער פון דעם פרעמדן ווערן פאַרוועלקט,
און קומען הינקענדיק אַרויס פון זייערע פעסטונגען.
47 עס לעבט יהוה, און געלויבט איז מײַן פעלז,
און דערהויבן איז גאָט דער פעלז פון מײַן הילף;
48 דער גאָט וואָס גיט מיר נקמות,
און מאַכט נידערן די אומות אונטער מיר,
49 און ציט מיך אַרויס פון מײַנע פײַנט;
יאָ, איבער מײַנע קעגנשטייער דערהייבסטו מיך,
פון דעם רויבמענטשן ביסטו מיך מציל.
50 דרום לויב איך דיך, גאָט, צווישן די פעלקער,
און צו דײַן נאָמען טו איך זינגען.

51 אַ טורעם פון הילף איז ער פאַר זיין מלך,
און ער טוט חסד מיט זיין געזאַלבטן,
מיט דודן און מיט זיין זאָמען ביז אייביק.

מַלְכּוֹ וְעֹשֶׂה־חֶסֶד לִמְשִׁיחוֹ
לְדָוִד וּלְזַרְעוֹ עַד־עוֹלָם׃ *

## כג

1 און דאָס זיינען די לעצטע ווערטער פון דודן:
די רייד פון דוד דעם זון פון יִשַׁין,
די רייד פון דעם מאַן וואָס איז הויך געשטעלט,
דעם געזאַלבטן פון דעם גאָט פון יעקב,
און דעם זיסן זינגער פון ישראל:
2 דער גייסט פון גאָט רעדט דורך מיר,
און זיין וואָרט איז אויף מיין צונג.

3 דער גאָט פון ישראל האָט געזאָגט,
דער פעלז פון ישראל האָט צו מיר גערעדט:
אַ געוועלטיקער איבער מענטשן דאַרף זיין
אַ צדיק וואָס געוועלטיקט מיט גאָטספאָרכטיקייט,
4 און ווי ליכט פון פרימאָרגן ווען די זון גייט אויף—
אַ פרימאָרגן אָן וואָלקן,
ווען פון שיין נאָכן רעגן
שפּראָצט דאָס גראָז פון דער ערד.
5 פאַרוואָר, איז ניט פעסט מיין הויז פאַר גאָט?
ווייל אַן אייביקן בונד האָט ער מיר געמאַכט,
צוגעברייט אין אַלעם און אָפּגעהיט;
פאַרוואָר, אַל מיין הילף און אַל מיין באַגער
צי מאַכט ער ניט שפּראָצן?
6 אָבער די נידערטרעכטיקע זיינען אַלע
ווי דערנער אַוועקגעוואָרפענע
וואָס מען קען מיט דער האַנט ניט אָננעמען;
7 און ווער עס רירט זיי אָן,
באַוואָרנט ער זיך מיט אַן אייזן
אָדער אַ האָלץ פון אַ שפּיז;
און פאַרברענט אין פייער
ווערן זיי פאַרברענט אויפן אָרט.

א וְאֵלֶּה דִּבְרֵי דָוִד הָאַחֲרֹנִים נְאֻם דָּוִד בֶּן־יִשַׁי וּנְאֻם הַגֶּבֶר
ב הֻקַם עָל מְשִׁיחַ אֱלֹהֵי יַעֲקֹב וּנְעִים זְמִרוֹת יִשְׂרָאֵל׃ רוּחַ
ג יְהוָה דִּבֶּר־בִּי וּמִלָּתוֹ עַל־לְשׁוֹנִי׃ אָמַר אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
לִי דִבֶּר צוּר יִשְׂרָאֵל מוֹשֵׁל בָּאָדָם צַדִּיק מוֹשֵׁל יִרְאַת
ד אֱלֹהִים׃ וּכְאוֹר בֹּקֶר יִזְרַח־שָׁמֶשׁ בֹּקֶר לֹא עָבוֹת מִנֹּגַהּ
ה מִמָּטָר דֶּשֶׁא מֵאָרֶץ׃ כִּי־לֹא־כֵן בֵּיתִי עִם־אֵל כִּי בְרִית
עוֹלָם שָׂם לִי עֲרוּכָה בַכֹּל וּשְׁמֻרָה כִּי־כָל־יִשְׁעִי וְכָל־
ו חֵפֶץ כִּי־לֹא יַצְמִיחַ׃ וּבְלִיַּעַל כְּקוֹץ מֻנָד כֻּלָּהַם כִּי־לֹא
ז בְיָד יִקָּחוּ׃ וְאִישׁ יִגַּע בָּהֶם יִמָּלֵא בַרְזֶל וְעֵץ חֲנִית
ח וּבָאֵשׁ שָׂרוֹף יִשָּׂרְפוּ בַּשָּׁבֶת׃ אֵלֶּה שְׁמוֹת הַגִּבֹּרִים
אֲשֶׁר לְדָוִד יֹשֵׁב בַּשֶּׁבֶת תַּחְכְּמֹנִי ׀ רֹאשׁ הַשָּׁלִשִׁי הוּא
עֲדִינוֹ הָעֶצְנוֹ עַל־שְׁמֹנֶה מֵאוֹת חָלָל בְּפַעַם אֶחָד׃
ט וְאַחֲרוֹ אֶלְעָזָר בֶּן־דֹּדֹי בֶּן־אֲחֹחִי בִּשְׁלֹשָׁה גִבֹּרִים עִם־
דָּוִד בְּחָרְפָם בַּפְּלִשְׁתִּים נֶאֶסְפוּ־שָׁם לַמִּלְחָמָה וַיַּעֲלוּ
י אִישׁ יִשְׂרָאֵל׃ הוּא קָם וַיַּךְ בַּפְּלִשְׁתִּים עַד ׀ כִּי־יָגְעָה יָדוֹ
וַתִּדְבַּק יָדוֹ אֶל־הַחֶרֶב וַיַּעַשׂ יְהוָה תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה בַּיּוֹם
יא הַהוּא וְהָעָם יָשֻׁבוּ אַחֲרָיו אַךְ לְפַשֵּׁט׃ וְאַחֲרָיו
שַׁמָּה בֶן־אָגֵא הָרָרִי וַיֵּאָסְפוּ פְלִשְׁתִּים לַחַיָּה וַתְּהִי־שָׁם
חֶלְקַת הַשָּׂדֶה מְלֵאָה עֲדָשִׁים וְהָעָם נָס מִפְּנֵי פְלִשְׁתִּים׃
יב וַיִּתְיַצֵּב בְּתוֹךְ־הַחֶלְקָה וַיַּצִּילֶהָ וַיַּךְ אֶת־פְּלִשְׁתִּים וַיַּעַשׂ
יג יְהוָה תְּשׁוּעָה גְדוֹלָה׃ וַיֵּרְדוּ שְׁלֹשִׁים מֵהַשְּׁלֹשִׁים רֹאשׁ
וַיָּבֹאוּ אֶל־קָצִיר אֶל־דָּוִד אֶל־מְעָרַת עֲדֻלָּם וְחַיַּת פְּלִשְׁתִּים
יד חֹנָה בְּעֵמֶק רְפָאִים׃ וְדָוִד אָז בַּמְּצוּדָה וּמַצַּב פְּלִשְׁתִּים
טו אָז בֵּית לָחֶם׃ וַיִּתְאַוֶּה דָוִד וַיֹּאמַר מִי יַשְׁקֵנִי מַיִם

כב, נא׳ ע״כ  כג, א׳ קמץ בז״ק  ח׳ העצני קרי  אחת קרי
ט׳ ואחריו קרי  דודו קרי  הגבורים קרי  יג׳ שלשה קרי

8 דאָס זיינען די נעמען פון די גיבורים וואָס דוד האָט געהאַט: יושֵב־בַּשֶּׁבֶת, אַ תַּחכמוני, דער הויפּטמאַן פון די עלצטע, דאָס איז עֲדינו דער עֶצני; [ער האָט אויפגעהויבן זיין שפּיז] אויף אַכט הונדערט מאַן, דערשלאָגן מיט איין מאָל.
9 און נאָך אים איז געווען אֶלְעָזָר דער זון פון דודו דעם זון פון אַחוחין, פון די דריי גיבורים מיט דודן, ווען זיי האָבן זיך איינגעשטעלט אַקעגן די פּלשתּים, וואָס האָבן זיך דאָרטן איינגעזאַמלט אויף מלחמה, און די מענער פון ישראל זיינען געווען אַוועקגעגאַנגען; 10 און ער איז אויפגעשטאַנען, און האָט געשלאָגן צווישן די פּלשתּים ביז זיין האַנט איז מיד גע־וואָרן, און זיין האַנט האָט זיך צוגעקלעפּט צום שווערד. און גאָט האָט געטאָן אַ גרויסע ישועה אין יענעם טאָג, און דאָס פאָלק האָט זיך אומגעקערט נאָך אים, בלויז אויסצוטאָן [די געטייטע].
11 און נאָך אים איז געווען שַמָּה דער זון פון אָגֵאן, פון הָרָר. די פּלשתּים האָבן זיך געהאַט איינגעזאַמלט אין אַ מחנה; און דאָרטן איז געווען אַ שטיק פעלד פול מיט לינדזן; און דאָס פאָלק איז אַנטלאָפן פון די פּלשתּים; 12 האָט ער זיך געשטעלט אין מיטן פון דעם שטיק לאַנד, און האָט עס מציל געווען; און ער האָט געשלאָגן די פּלשתּים, און גאָט האָט געטאָן אַ גרויסע ישועה.
13 און דריי פון די דרייסיק הויפּטלייט האָבן אַראָפּגענידערט און זיינען געקומען אין שניטצייט צו דודן צו דער הייל פון עֲדוּלָם; און די מחנה פון די פּלשתּים האָט געלאַגערט אין טאָל רְפָאִים. 14 און דוד איז דענסמאָל געווען אין דער פעסטונג, און די וואַך פון די פּלשתּים איז דענסמאָל געווען אין בֵּית־לֶחֶם. 15 האָט דוד געגלוסט, און ער האָט געזאָגט: ווען

טז מִבֹּאר בֵּית־לֶחֶם אֲשֶׁר בַּשָּׁעַר׃ וַיִּבְקְעוּ שְׁלֹשֶׁת הַגִּבֹּרִים
בְּמַחֲנֵה פְלִשְׁתִּים וַיִּשְׁאֲבוּ־מַיִם מִבֹּאר בֵּית־לֶחֶם אֲשֶׁר
בַּשַּׁעַר וַיִּשְׂאוּ וַיָּבִאוּ אֶל־דָּוִד וְלֹא אָבָה לִשְׁתּוֹתָם וַיַּסֵּךְ
יז אֹתָם לַיהוָה׃ וַיֹּאמֶר חָלִילָה לִּי יְהוָה מֵעֲשֹׂתִי זֹאת
הֲדַם הָאֲנָשִׁים הַהֹלְכִים בְּנַפְשׁוֹתָם וְלֹא אָבָה לִשְׁתּוֹתָם
יח אֵלֶּה עָשׂוּ שְׁלֹשֶׁת הַגִּבֹּרִים׃ וַאֲבִישַׁי אֲחִי ׀ יוֹאָב
בֶּן־צְרוּיָה הוּא רֹאשׁ הַשְּׁלֹשִׁי וְהוּא עוֹרֵר אֶת־חֲנִיתוֹ
יט עַל־שְׁלֹשׁ מֵאוֹת חָלָל וְלוֹ־שֵׁם בַּשְּׁלֹשָׁה׃ מִן־הַשְּׁלֹשָׁה
הֲכִי נִכְבָּד וַיְהִי לָהֶם לְשָׂר וְעַד־הַשְּׁלֹשָׁה לֹא־בָא׃
כ וּבְנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע בֶּן־אִישׁ־חַי רַב־פְּעָלִים
מִקַּבְצְאֵל הוּא הִכָּה אֵת שְׁנֵי אֲרִאֵל מוֹאָב וְהוּא יָרַד
כא וְהִכָּה אֶת־הָאֲרִיָּה בְּתוֹךְ הַבֹּאר בְּיוֹם הַשָּׁלֶג׃ וְהוּא
הִכָּה אֶת־אִישׁ מִצְרִי אֲשֶׁר מַרְאֶה וּבְיַד הַמִּצְרִי חֲנִית
וַיֵּרֶד אֵלָיו בַּשָּׁבֶט וַיִּגְזֹל אֶת־הַחֲנִית מִיַּד הַמִּצְרִי וַיַּהַרְגֵהוּ
כב בַּחֲנִיתוֹ׃ אֵלֶּה עָשָׂה בְּנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע וְלוֹ־שֵׁם בִּשְׁלֹשָׁה
כג הַגִּבֹּרִים׃ מִן־הַשְּׁלֹשִׁים נִכְבָּד וְאֶל־הַשְּׁלֹשָׁה לֹא־בָא
כד וַיְשִׂמֵהוּ דָוִד אֶל־מִשְׁמַעְתּוֹ׃ עֲשָׂה־אֵל אֲחִי־יוֹאָב
כה בַּשְּׁלֹשִׁים אֶלְחָנָן בֶּן־דֹּדוֹ בֵּית לָחֶם׃ שַׁמָּה
כו הַחֲרֹדִי אֱלִיקָא הַחֲרֹדִי׃ חֶלֶץ הַפַּלְטִי עִירָא
כז בֶן־עִקֵּשׁ הַתְּקוֹעִי׃ אֲבִיעֶזֶר הָעַנְּתֹתִי מְבֻנַּי הַחֻשָׁתִי׃
כח צַלְמוֹן הָאֲחֹחִי מַהְרַי הַנְּטֹפָתִי׃
כט חֵלֶב בֶּן־
בַּעֲנָה הַנְּטֹפָתִי אִתַּי בֶּן־רִיבַי מִגִּבְעַת בְּנֵי בִנְיָמִן׃
ל בְּנָיָהוּ פִּרְעָתֹנִי הִדַּי מִנַּחֲלֵי גָעַשׁ׃ אֲבִי־עַלְבוֹן
לא הָעַרְבָתִי עַזְמָוֶת הַבַּרְחֻמִי׃ אֶלְיַחְבָּא הַשַּׁעַלְבֹנִי
לב בְּנֵי יָשֵׁן יְהוֹנָתָן׃ שַׁמָּה הַהֲרָרִי אֲחִיאָם בֶּן־שָׁרָר
לג הָאֲרָרִי׃ אֱלִיפֶלֶט בֶּן־אֲחַסְבַּי בֶּן־הַמַּעֲכָתִי אֱלִיעָם
לד

טו׳ מבר קרי  טז׳ מבר קרי  יח׳ השלשה קרי  כ׳ חיל קרי
האריה קרי  הבר קרי  כא׳ איש קרי  לג׳ ס״א הָאֲרָרִי

מיר גיט װער טרינקען װאַסער פון דעם ברונעם פון בֵּית־לֶחֶם װאָס אין טויער! [16] האָבן די דריי גיבורים אַרײַנגעבראָכן אין לאַגער פון די פלשתים, און זיי האָבן אָנגעשעפּט װאַסער פון דעם ברונעם פון בֵּית־לֶחֶם װאָס בײַם טויער, און גענומען און געבראַכט צו דודן. אָבער ער האָט עס ניט געװאָלט טרינקען, און האָט עס אויסגעגאָסן צו גאָט. [17] און ער האָט געזאָגט: חלילה מיר, גאָט, אַז איך זאָל דאָס טאָן! דאָס בלוט פון די מענטשן װאָס זײַנען געגאַנגען מיט דער סכנה פון זייער לעבן? און ער האָט עס ניט געװאָלט טרינקען.

דאָס האָבן געטאָן די דריי גיבורים.

[18] און אַבישַי, יואָבס ברודער, דער זון פון צרויָהן, ער איז געװען דער הויפּט פון די דריי; און ער האָט אויפגעהויבן זײַן שפּיז אויף דריי הונדערט און זיי דערשלאָגן; ער האָט געהאַט אַ שם צװישן די דריי. [19] פון די דריי איז ער געװען דער אָנגעזעעוסטער, און ער איז בײַ זיי געװאָרן צום עלטסטן, אָבער צו די [ערשטע] דריי איז ער ניט געקומען.

[20] און בְּנָיָהו דער זון פון יהוֹיָדען, דער זון פון אַ העלדישן מאַן, גרויס אין אויפטוען, פון קַבְצְאֵל, ער האָט געשלאָגן די צװיי העלדן פון מואָב, און ער האָט אַראָפּגענידערט און האָט דערשלאָגן אַ לייב אין אַ גרוב, אין אַ טאָג פון שניי. [21] און ער האָט דערשלאָגן אַ מִצרישן מאַן, אַ מאַן אָנצוקוקן; און אין דעם מִצריס האַנט איז געװען אַ שפּיז, און ער האָט אַראָפּגענידערט צו אים מיט אַ רוט; האָט ער אַרויסגעריסן דעם שפּיז פון דעם מִצריס האַנט, און האָט אים געהרגעט מיט זײַן אייגענעם שפּיז.

[22] דאָס האָט געטאָן בְּנָיָהו דער זון פון יהוֹיָדען, און ער האָט געהאַט אַ שם צװישן די דריי גיבורים. [23] ער איז געװען מער אָנגעזען פון די דרײַסיק, אָבער צו די [ערשטע] דריי איז ער ניט געקומען. און דוד האָט אים אויפגעזעצט איבער זײַן לײַבװאַך.

[24] עֲשָׂהאֵל, יואָבס ברודער, איז געװען צװישן די דרײַסיק; אֶלְחָנָן דער זון פון דודון פון בֵּית־לֶחֶם; [25] שַׁמָּה פון חֲרוֹד; אֱלִיקָא פון חֲרוֹד; [26] חֶלֶץ פון פֶּלֶט; עִירָא דער זון פון עִקֵּשן פון תְּקוֹעַ; [27] אֲבִיעֶזֶר פון עֲנָתוֹת; מבוּנַי פון חוּשָׁה; [28] צַלְמוֹן פון אֲחוֹחַ; מַהְרַי פון נטוֹפָה; [29] חֵלֶב דער זון פון בַּעֲנָהן פון נטוֹפָה; אִתַּי דער זון פון רִיבַין פון גִבְעָה פון די קינדער פון בנימין; [30] בְּנָיָהו פון פִּרְעָתוֹן; הִדַּי פון נַחֲלֵי־גַעַשׁ; [31] אֲבִי־עַלְבוֹן פון עֲרָבָה; עַזְמָוֶת פון בַּרחום; [32] אֶלְיַחְבָּא פון שַׁעַלְבוֹן; פון יָשֵׁנס זין, יהוֹנָתָן; [33] שַׁמָּה פון הָרָר; אֲחִיאָם דער זון פון שָׁרָרן פון אָרָר; [34] אֱלִיפֶלֶט דער זון פון אֲחַסְבַּין; דער זון פון דעם

מַעֲכָתִי; אֱלִיעָם דער זון פון אַחיתוֹפֶלן פון גילה; 35 חֶצרי
פון כַּרמֶל; פַּעֲרַי פון אַרָב; 36 יִגְאָל דער זון פון נָתָנען
פון צוֹבָה; בָּני דער גָדי; 37 צֶלֶק דער עַמוני; נַחרַי פון
בְּאֵרוֹת, דער וואַפנטרעגער פון יוֹאָב דעם זון פון צרויָהן;
38 עִירָא פון יֶתֶר; גָרֵב פון יֶתֶר; אוּריָה דער חִתּי. אין
אַלעמען זיבן און דרייסיק.

כד 1 און דער צאָרן פון גאָט האָט ווידער געגרימט
אויף ישׂראל, און ער האָט אָנגערעדט דודן אַקעגן
זיי, אַזוי צו זאָגן: גיי צייל איבער ישׂראל און יהודה. 2 און
דער מלך האָט געזאָגט צו יוֹאָב דעם חיל־פירער וואָס
מיט אים: וואַנדער אַקאָרשט דורך אַלע שבטים פון
ישׂראל, פון דָן און ביז בְּאֵר־שֶׁבַע, און ציילט דאָס פאָלק,
כּדי איך זאָל וויסן דעם מספּר פון פאָלק. 3 האָט יוֹאָב
געזאָגט צום מלך: זאָל יהוה דיין גאָט מערן דאָס פאָלק
הונדערט מאָל אַזוי פיל ווי זיי זיינען, און די אויגן פון מיין
האַר דעם מלך זאָלן עס זען; אָבער צו וואָס וויל מיין
האַר דער מלך דידאָזיקע זאַך?

4 אָבער דאָס וואָרט פון דעם מלך איז געווען
שטאַרק צו יוֹאָבן און צו די חיל־פירער, און יוֹאָב און די
חיל־פירער זיינען אַרויסגעגאַנגען פון פאַרן מלך, צו ציילן
דאָס פאָלק, ישׂראל. 5 און זיי זיינען אַריבער דעם יַרדן, און האָבן גערוט אין עֲרוֹעֵר, אויף דער רעכטער זייט פון
דער שטאָט וואָס אין מיטן טאָל פון גָד, און צו יַעְזֵר צו. 6 און זיי זיינען געקומען קיין גִלעָד, און צו דעם לאַנד
תַּחתִּים־חָדשי, און זיי זיינען געקומען קיין דָן־יַעַן, און רונד אַרום צו צידון. 7 און זיי זיינען געקומען צו דער פעסטונג
פון צוֹר, און צו אַלע שטעט פון דעם חִוִי און דעם כּנַעֲני, און זיי זיינען אַרויסגעקומען אין דָרום יהודה ביי בְּאֵר־
שֶׁבַע. 8 און זיי האָבן דורכגעוואַנדערט דאָס גאַנצע לאַנד, און זיינען צוריקגעקומען צום סוף פון ניין חדשים און צוואַנציק
טעג קיין ירושָלַיִם. 9 און יוֹאָב האָט איבערגעגעבן דעם מספּר פון דער ציילונג פון פאָלק צום מלך. און ישׂראל איז
געווען אַכט מאָל הונדערט טויזנט קריגסלייט וואָס ציען אַ שווערד, און די מענער פון יהודה, פינף מאָל הונדערט
טויזנט מאַן.

10 און דאָס האַרץ פון דודן האָט אים געפּלאָגט נאָכדעם ווי ער האָט געציילט דאָס פאָלק, און דוד האָט געזאָגט
צו גאָט: איך האָב זייער געזינדיקט וואָס איך האָב דאָס געטאָן; און אַצונד, גאָט, טו אָפּ, איך בעט דיך, דעם פאַר־
ברעך פון דיין קנעכט, וואָרום איך בין געווען נאַריש זייער.

11 און ווי דוד איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי, אַזוי איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו גָד דעם נביא,

לה בֶּן־אֲחִיתֹפֶל הַגִּלֹנִי׃ חֶצְרוֹ הַכַּרְמְלִי פַּעֲרַי הָאַרְבִּי׃
לו יִגְאָל בֶּן־נָתָן מִצֹּבָה בָּנִי הַגָּדִי׃ לז צֶלֶק הָעַמֹּנִי
לח נַחְרַי הַבְּאֵרֹתִי נֹשְׂאֵי כְּלֵי יוֹאָב בֶּן־צְרֻיָה׃ עִירָא
לט הַיִּתְרִי גָּרֵב הַיִּתְרִי׃ אוּרִיָּה הַחִתִּי כֹּל שְׁלֹשִׁים
וְשִׁבְעָה׃

כד

א וַיֹּסֶף אַף־יְהוָה לַחֲרוֹת בְּיִשְׂרָאֵל וַיָּסֶת אֶת־דָּוִד בָּהֶם
ב לֵאמֹר לֵךְ מְנֵה אֶת־יִשְׂרָאֵל וְאֶת־יְהוּדָה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
אֶל־יוֹאָב ׀ שַׂר־הַחַיִל אֲשֶׁר־אִתּוֹ שׁוּט־נָא בְּכָל־שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שֶׁבַע וּפִקְדוּ אֶת־הָעָם וְיָדַעְתִּי
ג אֵת מִסְפַּר הָעָם׃ וַיֹּאמֶר יוֹאָב אֶל־הַמֶּלֶךְ וְיוֹסֵף יְהוָה
אֱלֹהֶיךָ אֶל־הָעָם כָּהֵם ׀ וְכָהֵם מֵאָה פְעָמִים וְעֵינֵי אֲדֹנִי־
הַמֶּלֶךְ רֹאוֹת וַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ לָמָּה חָפֵץ בַּדָּבָר הַזֶּה׃
ד וַיֶּחֱזַק דְּבַר־הַמֶּלֶךְ אֶל־יוֹאָב וְעַל שָׂרֵי הֶחָיִל וַיֵּצֵא יוֹאָב
וְשָׂרֵי הַחַיִל לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ לִפְקֹד אֶת־הָעָם אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
ה וַיַּעַבְרוּ אֶת־הַיַּרְדֵּן וַיַּחֲנוּ בַעֲרוֹעֵר יְמִין הָעִיר אֲשֶׁר
ו בְּתוֹךְ־הַנַּחַל הַגָּד וְאֶל־יַעְזֵר׃ וַיָּבֹאוּ הַגִּלְעָדָה וְאֶל־אֶרֶץ
ז תַּחְתִּים חָדְשִׁי וַיָּבֹאוּ דָּנָה יַּעַן וְסָבִיב אֶל־צִידוֹן׃ וַיָּבֹאוּ
מִבְצַר־צֹר וְכָל־עָרֵי הַחִוִּי וְהַכְּנַעֲנִי וַיֵּצְאוּ אֶל־נֶגֶב יְהוּדָה
ח בְּאֵר שָׁבַע׃ וַיָּשֻׁטוּ בְּכָל־הָאָרֶץ וַיָּבֹאוּ מִקְצֵה תִשְׁעָה
ט חֳדָשִׁים וְעֶשְׂרִים יוֹם יְרוּשָׁלָ͏ִם׃ וַיִּתֵּן יוֹאָב אֶת־מִסְפַּר
מִפְקַד־הָעָם אֶל־הַמֶּלֶךְ וַתְּהִי יִשְׂרָאֵל שְׁמֹנֶה מֵאוֹת אֶלֶף
אִישׁ־חַיִל שֹׁלֵף חֶרֶב וְאִישׁ יְהוּדָה חֲמֵשׁ־מֵאוֹת אֶלֶף
י אִישׁ׃ וַיַּךְ לֵב־דָּוִד אֹתוֹ אַחֲרֵי־כֵן סָפַר אֶת־הָעָם •
וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוָה חָטָאתִי מְאֹד אֲשֶׁר עָשִׂיתִי וְעַתָּה
יא יְהוָה הַעֲבֶר־נָא אֶת־עֲוֺן עַבְדְּךָ כִּי נִסְכַּלְתִּי מְאֹד׃ וַיָּקָם
דָּוִד בַּבֹּקֶר • וּדְבַר־יְהוָה הָיָה אֶל־גָּד הַנָּבִיא

כג, לה׳ חצרי קרי   לז׳ יתיר י   כד, י׳ יא׳ פסקא באמצע פסוק

יב חֹזֵה דָוִד לֵאמֹר׃ הָלוֹךְ וְדִבַּרְתָּ אֶל־דָּוִד כֹּה אָמַר יְהוָה
שָׁלֹשׁ אָנֹכִי נוֹטֵל עָלֶיךָ בְּחַר־לְךָ אַחַת־מֵהֶם וְאֶעֱשֶׂה־לָּךְ׃
יג וַיָּבֹא־גָד אֶל־דָּוִד וַיַּגֶּד־לוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ הֲתָבוֹא לְךָ שֶׁבַע־
שָׁנִים ׀ רָעָב ׀ בְּאַרְצֶךָ אִם־שְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים נֻסְךָ לִפְנֵי־
צָרֶיךָ וְהוּא רֹדְפֶךָ וְאִם־הֱיוֹת שְׁלֹשֶׁת יָמִים דֶּבֶר בְּאַרְצֶךָ
יד עַתָּה דַּע וּרְאֵה מָה־אָשִׁיב שֹׁלְחִי דָּבָר׃ וַיֹּאמֶר
דָּוִד אֶל־גָּד צַר־לִי מְאֹד נִפְּלָה־נָּא בְיַד־יְהוָה כִּי־רַבִּים
טו רַחֲמָו וּבְיַד־אָדָם אַל־אֶפֹּלָה׃ וַיִּתֵּן יְהוָה דֶּבֶר בְּיִשְׂרָאֵל
מֵהַבֹּקֶר וְעַד־עֵת מוֹעֵד וַיָּמָת מִן־הָעָם מִדָּן וְעַד־בְּאֵר
טז שֶׁבַע שִׁבְעִים אֶלֶף אִישׁ׃ וַיִּשְׁלַח יָדוֹ הַמַּלְאָךְ ׀ יְרוּשָׁלַםִ
לְשַׁחֲתָהּ וַיִּנָּחֶם יְהוָה אֶל־הָרָעָה וַיֹּאמֶר לַמַּלְאָךְ הַמַּשְׁחִית
בָּעָם רַב עַתָּה הֶרֶף יָדֶךָ וּמַלְאַךְ יְהוָה הָיָה עִם־גֹּרֶן
יז הָאֹורְנָה הַיְבֻסִי׃ וַיֹּאמֶר דָּוִד אֶל־יְהוָה בִּרְאֹתוֹ ׀
אֶת־הַמַּלְאָךְ ׀ הַמַּכֶּה בָעָם וַיֹּאמֶר הִנֵּה אָנֹכִי חָטָאתִי
וְאָנֹכִי הֶעֱוֵיתִי וְאֵלֶּה הַצֹּאן מֶה עָשׂוּ תְּהִי נָא יָדְךָ בִּי
יח וּבְבֵית אָבִי׃ וַיָּבֹא־גָד אֶל־דָּוִד בַּיּוֹם הַהוּא וַיֹּאמֶר
יט לוֹ עֲלֵה הָקֵם לַיהוָה מִזְבֵּחַ בְּגֹרֶן אֲרַנְיָה הַיְבֻסִי׃ וַיַּעַל
כ דָּוִד כִּדְבַר־גָּד כַּאֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה׃ וַיַּשְׁקֵף אֲרַוְנָה
וַיַּרְא אֶת־הַמֶּלֶךְ וְאֶת־עֲבָדָיו עֹבְרִים עָלָיו וַיֵּצֵא אֲרַוְנָה
כא וַיִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ אַפָּיו אָרְצָה׃ וַיֹּאמֶר אֲרַוְנָה מַדּוּעַ
בָּא אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ אֶל־עַבְדּוֹ וַיֹּאמֶר דָּוִד לִקְנוֹת מֵעִמְּךָ
אֶת־הַגֹּרֶן לִבְנוֹת מִזְבֵּחַ לַיהוָה וְתֵעָצַר הַמַּגֵּפָה מֵעַל
כב הָעָם׃ וַיֹּאמֶר אֲרַוְנָה אֶל־דָּוִד יִקַּח וְיַעַל אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
הַטּוֹב בְּעֵינָו רְאֵה הַבָּקָר לָעֹלָה וְהַמֹּרִגִּים וּכְלֵי הַבָּקָר
כג לָעֵצִים׃ הַכֹּל נָתַן אֲרַוְנָה הַמֶּלֶךְ לַמֶּלֶךְ ׀ וַיֹּאמֶר
כד אֲרַוְנָה אֶל־הַמֶּלֶךְ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ יִרְצֶךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
אֶל־אֲרַוְנָה לֹא כִּי־קָנוֹ אֶקְנֶה מֵאוֹתְךָ בִּמְחִיר וְלֹא אַעֲלֶה

יג׳ כצ״ל ע״פ המסורה  יד׳ רחמיו ק  טז׳ הארונה ק  יח׳ ארונה ק  כב׳ בעינו ק
כג׳ פסקא באמצע פסוק

דודס זעער, אַזוי צו זאָגן: [12] גיי און זאָלסט רעדן צו דודן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: דריי זאַכן לייג איך אויף דיר; קלייב דיר אויס איינע פון זיי, וואָס איך זאָל דיר טאָן.

[13] איז גָד געקומען צו דודן און האָט אים דערציילט, און האָט צו אים געזאָגט: זאָלן אויף דיר קומען זיבן יאָר הונגער אין דיין לאַנד? אָדער זאָלסט דריי חדשים לויפן פאַר דיינע פיינט, און זיי זאָלן דיך נאָכיאָגן? אָדער דריי טעג זאָל זיין אַ מגפה אין דיין לאַנד? אַצונד באַטראַכט, און זע וואָס פאַר אַ באַשייד איך זאָל ברענגען צו דעם וואָס שיקט מיך.

[14] האָט דוד געזאָגט צו גָדן: מיר איז זייער ענג. לאָמיר, איך בעט דיך, פאַלן אין דער האַנט פון גאָט, וואָרום זיין רחמנות איז גרויס, און לאָמיך ניט פאַלן אין דער האַנט פון אַ מענטשן.

[15] האָט גאָט געגעבן אַ מגפה אין ישראל פון אין דער פרי און ביז דער געשטעלטער צייט. און עס זיינען געשטאָרבן פון פאָלק, פון דָן און ביז בּאֵר־שֶׁבַע, זיבעציק טויזנט מאַן.

[16] און דער מלאך האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט אויף ירושָלַיִם זי אומצוברענגען; האָט גאָט חרטה געהאַט אויף דעם בייז, און ער האָט געזאָגט צו דעם מלאך וואָס האָט אומגעבראַכט צווישן פאָלק: גענוג! אַצונד לאָז אָפּ דיין האַנט. און דער מלאך פון גאָט איז געווען ביי דעם שייער פון אַרַוְנָה דעם יבוסי.

[17] און דוד האָט גערעדט צו גאָט, ווען ער האָט געזען דעם מלאך וואָס שלאָגט צווישן פאָלק, און ער האָט געזאָגט: זע, איך האָב געזינדיקט, און איך האָב פאַרבראָכן, אָבער די דאָזיקע שאָף, וואָס האָבן זיי געטאָן? זאָל, איך בעט דיך, דיין האַנט זיין אויף מיר און אויף מיין פאָטערס הויז.

[18] איז גָד געקומען צו דודן אין יענעם טאָג, און ער האָט צו אים געזאָגט: גיי אַרויף, שטעל אויף צו גאָט אַ מזבח אין דעם שייער פון אַרַוְנָה דעם יבוסי.

[19] איז דוד אַרויפגעגאַנגען לויט דעם וואָרט פון גָדן, אַזוי ווי גאָט האָט באַפוילן. [20] און אַרַוְנָה האָט אַ קוק געטאָן, און האָט דערזען ווי דער מלך און זיינע קנעכט קומען אַריבער צו אים; איז אַרַוְנָה אַרויסגעגאַנגען, און האָט זיך גע־בוקט צום מלך מיט זיין פנים צו דער ערד. [21] און אַרַוְנָה האָט געזאָגט: נאָך וואָס איז מיין האַר דער מלך געקומען צו זיין קנעכט? האָט דוד געזאָגט: אָפּצוקויפן פון דיר דעם שייער אויף צו בויען אַ מזבח צו גאָט, כּדי די מגפה זאָל פאַר־האַלטן ווערן פון פאָלק. [22] האָט אַרַוְנָה געזאָגט צו דודן: זאָל מיין האַר דער מלך נעמען און אויפברענגען וואָס איז גוט אין זיינע אויגן. זע, די רינדער זיינען פאַר בראַנדאָפּפער, און די דרעששליטנס און די שפּאַנצייג פון די רינדער פאַר האָלץ. [23] אַלץ האָט אַרַוְנָה דער מלך אָוועקגעגעבן צום מלך. און אַרַוְנָה האָט געזאָגט צום מלך: זאָל יהוה דיין גאָט דיך באַוויליקן. [24] האָט דער מלך געזאָגט צו אַרַוְנָהן: ניין, נייערט קויפן וועל איך קויפן פון דיר פאַר געצאָלט, און איך

װעל ניט אויפברענגען צו יהוה מײַן גאָט בראַנדאָפּפער
פאַר אומזיסט.
און דוד האָט אָפּגעקויפט דעם שײַער און די רינדער
פאַר פופציק שֶקל זילבער. 25 און דוד האָט דאָרטן
געבויט אַ מזבח צו גאָט, און האָט אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער און פרידאָפּפער. און גאָט האָט זיך איבערגע־
בעטן צום לאַנד, און די מגפה איז פאַרהאַלטן געוואָרן פון ישׂראל.

לַיהוָ֣ה אֱלֹהַ֔י עֹל֖וֹת חִנָּ֑ם וַיִּ֨קֶן דָּוִ֤ד אֶת־הַגֹּ֙רֶן֙ וְאֶת־הַבָּקָ֔ר
כה בְּכֶ֖סֶף שְׁקָלִ֥ים חֲמִשִּֽׁים׃ וַיִּבֶן֩ שָׁ֨ם דָּוִ֤ד מִזְבֵּ֙חַ֙ לַיהוָ֔ה
וַיַּ֥עַל עֹל֖וֹת וּשְׁלָמִ֑ים וַיֵּעָתֵ֤ר יְהוָה֙ לָאָ֔רֶץ וַתֵּעָצַ֥ר הַמַּגֵּפָ֖ה
מֵעַ֥ל יִשְׂרָאֵֽל׃

# חזק

סכום הפסוקים של ספר שמואל אלף וחמש מאות וששה. וסימנו אשרו חמוץ: וסדריו ל״ד. וסימנו פותח את ידך: וחציו ולאשה עגל מרבק:

# מְלָכִים א

וְהַמֶּלֶךְ דָּוִד זָקֵן בָּא בַּיָּמִים וַיְכַסֻּהוּ בַּבְּגָדִים וְלֹא יִחַם לוֹ׃ א
וַיֹּאמְרוּ לוֹ עֲבָדָיו יְבַקְשׁוּ לַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ נַעֲרָה בְתוּלָה ב
וְעָמְדָה לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וּתְהִי־לוֹ סֹכֶנֶת וְשָׁכְבָה בְחֵיקֶךָ וְחַם
לַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיְבַקְשׁוּ נַעֲרָה יָפָה בְּכֹל גְּבוּל יִשְׂרָאֵל ג
וַיִּמְצְאוּ אֶת־אֲבִישַׁג הַשּׁוּנַמִּית וַיָּבִאוּ אֹתָהּ לַמֶּלֶךְ׃ וְהַנַּעֲרָה ד
יָפָה עַד־מְאֹד וַתְּהִי לַמֶּלֶךְ סֹכֶנֶת וַתְּשָׁרְתֵהוּ וְהַמֶּלֶךְ לֹא
יְדָעָהּ׃ וַאֲדֹנִיָּה בֶן־חַגִּית מִתְנַשֵּׂא לֵאמֹר אֲנִי אֶמְלֹךְ וַיַּעַשׂ ה
לוֹ רֶכֶב וּפָרָשִׁים וַחֲמִשִּׁים אִישׁ רָצִים לְפָנָיו׃ וְלֹא־עֲצָבוֹ ו
אָבִיו מִיָּמָיו לֵאמֹר מַדּוּעַ כָּכָה עָשִׂיתָ וְגַם־הוּא טוֹב־תֹּאַר
מְאֹד וְאֹתוֹ יָלְדָה אַחֲרֵי אַבְשָׁלוֹם׃ וַיִּהְיוּ דְבָרָיו עִם יוֹאָב ז
בֶּן־צְרוּיָה וְעִם אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן וַיַּעְזְרוּ אַחֲרֵי אֲדֹנִיָּה׃ וְצָדוֹק ח
הַכֹּהֵן וּבְנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע וְנָתָן הַנָּבִיא וְשִׁמְעִי וְרֵעִי וְהַגִּבּוֹרִים
אֲשֶׁר לְדָוִד לֹא הָיוּ עִם־אֲדֹנִיָּהוּ׃ וַיִּזְבַּח אֲדֹנִיָּהוּ צֹאן וּבָקָר ט
וּמְרִיא עִם אֶבֶן הַזֹּחֶלֶת אֲשֶׁר־אֵצֶל עֵין רֹגֵל וַיִּקְרָא אֶת־
כָּל־אֶחָיו בְּנֵי הַמֶּלֶךְ וּלְכָל־אַנְשֵׁי יְהוּדָה עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ׃
וְאֶת־נָתָן הַנָּבִיא וּבְנָיָהוּ וְאֶת־הַגִּבּוֹרִים וְאֶת־שְׁלֹמֹה אָחִיו י
לֹא קָרָא׃ וַיֹּאמֶר נָתָן אֶל־בַּת־שֶׁבַע אֵם־שְׁלֹמֹה לֵאמֹר יא
הֲלוֹא שָׁמַעַתְּ כִּי מָלַךְ אֲדֹנִיָּהוּ בֶן־חַגִּית וַאדֹנֵינוּ דָוִד לֹא
יָדָע׃ וְעַתָּה לְכִי אִיעָצֵךְ נָא עֵצָה וּמַלְּטִי אֶת־נַפְשֵׁךְ וְאֶת־ יב
נֶפֶשׁ בְּנֵךְ שְׁלֹמֹה׃ לְכִי וּבֹאִי אֶל־הַמֶּלֶךְ דָּוִד וְאָמַרְתְּ אֵלָיו יג

---

א׳ הפטרת חיי שרה

## א

1 און דער מלך דוד איז געוואָרן אַלט און באַטאָגט, און מע האָט אים צוגעדעקט מיט קליידער, אָבער אים פלעגט ניט וואַרעם ווערן. 2 האָבן זיינע קנעכט צו אים געזאָגט: זאָל מען זוכן פאַר מיין האַר דעם מלך אַ מיידל אַ יונגפרוי, און זי וועט שטיין פאַר דעם מלך, און וועט אים זיין אַ וואַרטאָרין; און זי וועט ליגן אין דיין בוזעם, און עס וועט וואַרעם זיין מיין האַר דעם מלך.

3 און זיי האָבן געזוכט אַ שיין מיידל אין גאַנצן געמאַרק פון ישראל, און זיי האָבן געפונען אַבישַג פון שונֵם, און האָבן זי געבראַכט צום מלך. 4 און די מיידל איז געווען שיין ביז גאָר; און זי איז געווען דעם מלך אַ וואַרטאָרין, און האָט אים באַדינט; אָבער דער מלך האָט זי ניט דערקענט.

5 און אַדוֹנִיָה דער זון פון חַגיתן האָט זיך איבערגענומען, אַזוי צו זאָגן: איך וועל ווערן מלך. און ער האָט זיך אַיינגעשאַפט רייטוועגן און רייטער, און פופציק מאַן וואָס זיינען געלאָפן אים פאַרויס. 6 וואָרום זיין פאָטער האָט אים אין זיין לעבטאָג ניט באַטריבט, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס טוסטו אַזוי? און ער איז אויך געווען זייער שיין אין געשטאַלט. און ער איז געבאָרן געוואָרן נאָך אַבשָלומען.

7 און ער האָט געהאַט אַ גערייד מיט יוֹאָב דעם זון פון צרוּיָהן, און מיט אֶבְיָתָר דעם כהן, און זיי האָבן מיטגעהאָלפן אַדוֹנִיָהן. 8 אָבער צָדוק דער כהן, און בְנָיָהו דער זון פון יהוֹיָדָען, און נָתָן דער נביא, און שִמעִי, און רֵעִי, און די גיבורים וואָס ביי דודן, זיינען ניט געווען מיט אַדוֹנִיָהון.

9 און אַדוֹנִיָהו האָט געשאָכטן שאָף און רינדער און געשטאָפטע קעלבער ביי דעם שטיין זוֹחֶלֶת וואָס לעבן עֵין רוֹגֵל, און ער האָט פאַררופן אַלע זיינע ברידער, דעם מלכס זין, און אַלע מענער פון יהודה, דעם מלכס קנעכט. 10 אָבער נָתָן דעם נביא, און בְנָיָהון, און די גיבורים, און זיין ברודער שלמהן, האָט ער ניט גערופן.

11 האָט נָתָן געזאָגט צו בַת־שֶבַען, שלמהס מוטער, אַזוי צו זאָגן: האָסטו ניט געהערט אַז אַדוֹנִיָהו דער זון פון חַגיתן איז געוואָרן מלך, און אונדזער האַר דוד ווייס ניט? 12 און אַצונד, קום לאָמיך אַקאָרשט דיר געבן אַן עצה, און ראַטעווען דיין לעבן און דאָס לעבן פון דיין זון שלמהן. 13 גיי און קום צום מלך דוד, און זאָלסט זאָגן צו אים:

הֲלֹא־אַתָּה אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ נִשְׁבַּעְתָּ לַאֲמָתְךָ לֵאמֹר כִּי־שְׁלֹמֹה
בְנֵךְ יִמְלֹךְ אַחֲרַי וְהוּא יֵשֵׁב עַל־כִּסְאִי וּמַדּוּעַ מָלַךְ
יד אֲדֹנִיָּהוּ׃ הִנֵּה עוֹדָךְ מְדַבֶּרֶת שָׁם עִם־הַמֶּלֶךְ וַאֲנִי אָבוֹא
טו אַחֲרַיִךְ וּמִלֵּאתִי אֶת־דְּבָרָיִךְ׃ וַתָּבֹא בַת־שֶׁבַע אֶל־הַמֶּלֶךְ
הַחַדְרָה וְהַמֶּלֶךְ זָקֵן מְאֹד וַאֲבִישַׁג הַשּׁוּנַמִּית מְשָׁרַת אֶת־
טז הַמֶּלֶךְ׃ וַתִּקֹּד בַּת־שֶׁבַע וַתִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ
יז מַה־לָּךְ׃ וַתֹּאמֶר לוֹ אֲדֹנִי אַתָּה נִשְׁבַּעְתָּ בַּיהוָה אֱלֹהֶיךָ
לַאֲמָתֶךָ כִּי־שְׁלֹמֹה בְנֵךְ יִמְלֹךְ אַחֲרָי וְהוּא יֵשֵׁב עַל־כִּסְאִי׃
יח וְעַתָּה הִנֵּה אֲדֹנִיָּה מָלָךְ וְעַתָּה אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ לֹא יָדָעְתָּ׃
יט וַיִּזְבַּח שׁוֹר וּמְרִיא־וְצֹאן לָרֹב וַיִּקְרָא לְכָל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ
וּלְאֶבְיָתָר הַכֹּהֵן וּלְיֹאָב שַׂר הַצָּבָא וְלִשְׁלֹמֹה עַבְדְּךָ לֹא
כ קָרָא׃ וְאַתָּה אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ עֵינֵי כָל־יִשְׂרָאֵל עָלֶיךָ לְהַגִּיד
כא לָהֶם מִי יֵשֵׁב עַל־כִּסֵּא אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ אַחֲרָיו׃ וְהָיָה
כִּשְׁכַב אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ עִם־אֲבֹתָיו וְהָיִיתִי אֲנִי וּבְנִי שְׁלֹמֹה
כב חַטָּאִים׃ וְהִנֵּה עוֹדֶנָּה מְדַבֶּרֶת עִם־הַמֶּלֶךְ וְנָתָן הַנָּבִיא
כג בָּא׃ וַיַּגִּידוּ לַמֶּלֶךְ לֵאמֹר הִנֵּה נָתָן הַנָּבִיא וַיָּבֹא לִפְנֵי
כד הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ עַל־אַפָּיו אָרְצָה׃ וַיֹּאמֶר נָתָן
אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ אַתָּה אָמַרְתָּ אֲדֹנִיָּהוּ יִמְלֹךְ אַחֲרָי וְהוּא
כה יֵשֵׁב עַל־כִּסְאִי׃ כִּי ׀ יָרַד הַיּוֹם וַיִּזְבַּח שׁוֹר וּמְרִיא־וְצֹאן
לָרֹב וַיִּקְרָא לְכָל־בְּנֵי הַמֶּלֶךְ וּלְשָׂרֵי הַצָּבָא וּלְאֶבְיָתָר
הַכֹּהֵן וְהִנָּם אֹכְלִים וְשֹׁתִים לְפָנָיו וַיֹּאמְרוּ יְחִי הַמֶּלֶךְ
כו אֲדֹנִיָּהוּ׃ וְלִי אֲנִי־עַבְדֶּךָ וּלְצָדֹק הַכֹּהֵן וְלִבְנָיָהוּ בֶן
כז יְהוֹיָדָע וְלִשְׁלֹמֹה עַבְדְּךָ לֹא קָרָא׃ אִם מֵאֵת אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
נִהְיָה הַדָּבָר הַזֶּה וְלֹא הוֹדַעְתָּ אֶת־עַבְדֶּיךָ מִי יֵשֵׁב עַל־
כח כִּסֵּא אֲדֹנִי־הַמֶּלֶךְ אַחֲרָיו׃ וַיַּעַן הַמֶּלֶךְ דָּוִד וַיֹּאמֶר קִרְאוּ־
לִי לְבַת־שָׁבַע וַתָּבֹא לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ וַתַּעֲמֹד לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃
כט וַיִּשָּׁבַע הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמַר חַי־יְהוָה אֲשֶׁר־פָּדָה אֶת־נַפְשִׁי

יח׳ סבירין ואתה כ׳ סבירין ועתה כז׳ עבדך קרי

האָסטו, מיין האַר מלך, ניט געשוואָרן דיין דינסט, אַזוי צו זאָגן: נאָר דיין זון שלמה זאָל קיניגן נאָך מיר, און ער זאָל זיצן אויף מיין טראָן? היינט פאַרוואָס איז אַדוֹנִיָהו געוואָרן מלך? [14] אָט ווי דו רעדסט נאָך דאָרטן מיטן מלך, אַזוי וועל איך קומען נאָך דיר, און וועל פאַרפולן דיינע ווערטער.

[15] איז בַּת־שֶׁבַע אַרייגעגאַנגען צום מלך אין קאַמער.—און דער מלך איז געווען זייער אַלט, און אַבִישַׁג פון שונֵם האָט באַדינט דעם מלך.—[16] און בַּת־שֶׁבַע האָט זיך גענייגט און זיך געבוקט צום מלך. האָט דער מלך געזאָגט: וואָס איז דיר? [17] האָט זי צו אים געזאָגט: מיין האַר, דו האָסט געשוואָרן דיין דינסט ביי יהוה דיין גאָט: נאָר דיין זון שלמה זאָל קיניגן נאָך מיר, און ער זאָל זיצן אויף מיין טראָן. [18] און אַצונד זע, אַדוֹנִיָה איז געוואָרן מלך, און אַצונד, מיין האַר מלך, ווייסטו גאָר ניט. [19] און ער האָט געשאָכטן אָקסן און געשטאָפּטע קעלבער און שאָף אַ סך, און ער האָט פאַררופן אַלע זין פון דעם מלך, און אֶבְיָתָר דעם כֹּהן, און יוֹאָב דעם חיל־פירער; אָבער דיין קנעכט שלמהן האָט ער ניט גערופן. [20] און דו מיין האַר מלך, אויף דיר זיינען די אויגן פון גאַנץ ישׂראל, זיי צו זאָגן, ווער זאָל זיצן אויף דעם טראָן פון מיין האַר דעם מלך נאָך אים. [21] וואָרום עס וועט זיין, ווי מיין האַר דער מלך לייגט זיך מיט זיינע עלטערן, אַזוי וועל איך און מיין זון שלמה זיין פאַרשולדיקטע.

[22] און אָט ווי זי רעדט נאָך מיטן מלך, אַזוי איז נָתָן דער נביא געקומען. [23] האָט מען אָנגעזאָגט דעם מלך, אַזוי צו זאָגן: נָתָן דער נביא איז דאָ. און ער איז געקומען פאַר דעם מלך, און האָט זיך געבוקט צום מלך אויף זיין פּנים צו דער ערד. [24] און נָתָן האָט געזאָגט: מיין האַר מלך, האָסט דו געזאָגט: אַדוֹנִיָהו זאָל קיניגן נאָך מיר, און ער זאָל זיצן אויף מיין טראָן? [25] וואָרום ער האָט היינט אַראָפּגענידערט, און האָט געשאָכטן אָקסן און געשטאָפּטע קעלבער און שאָף אַ סך, און ער האָט פאַררופן אַלע זין פון דעם מלך, און די חיל־פירער, און אֶבְיָתָר דעם כֹּהן, און אָט עסן זיי און טרינקען מיט אים, און זאָגן: לעבן זאָל דער מלך אַדוֹנִיָהו! [26] אָבער מיך, מיך דיין קנעכט, און צָדוֹק דעם כֹּהן, און בְּנָיָהו דעם זון פון יְהוֹיָדָען, און דיין קנעכט שלמהן, האָט ער ניט גערופן. [27] צי איז דידאָזיקע זאַך געשען פון מיין האַר דעם מלך, און האָסט ניט צו וויסן געטאָן דיין קנעכט, ווער עס זאָל זיצן אויף דעם טראָן פון מיין האַר דעם מלך נאָך אים?

[28] האָט געענטפערט דער מלך דוד און האָט געזאָגט: רופט מיר אַריין בַּת־שֶׁבַען. און זי איז געקומען פאַרן מלך און האָט זיך געשטעלט פאַרן מלך. [29] און דער מלך האָט געשוואָרן און געזאָגט: אַזוי ווי עס לעבט גאָט, וואָס האָט אויסגעלייזט

מִכָּל־צָרָה׃ כִּי כַּאֲשֶׁר נִשְׁבַּעְתִּי לָךְ בַּיהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל ל
לֵאמֹר כִּי־שְׁלֹמֹה בְנֵךְ יִמְלֹךְ אַחֲרַי וְהוּא יֵשֵׁב עַל־כִּסְאִי
לא תַּחְתָּי כִּי כֵּן אֶעֱשֶׂה הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַתִּקֹּד בַּת־שֶׁבַע אַפַּיִם
אֶרֶץ וַתִּשְׁתַּחוּ לַמֶּלֶךְ וַתֹּאמֶר יְחִי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ דָּוִד לְעֹלָם׃ *
לב וַיֹּאמֶר ׀ הַמֶּלֶךְ דָּוִד קִרְאוּ־לִי לְצָדוֹק הַכֹּהֵן וּלְנָתָן
לג הַנָּבִיא וְלִבְנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע וַיָּבֹאוּ לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר
הַמֶּלֶךְ לָהֶם קְחוּ עִמָּכֶם אֶת־עַבְדֵי אֲדֹנֵיכֶם וְהִרְכַּבְתֶּם
אֶת־שְׁלֹמֹה בְנִי עַל־הַפִּרְדָּה אֲשֶׁר־לִי וְהוֹרַדְתֶּם אֹתוֹ אֶל־
לד גִּחוֹן׃ וּמָשַׁח אֹתוֹ שָׁם צָדוֹק הַכֹּהֵן וְנָתָן הַנָּבִיא לְמֶלֶךְ
עַל־יִשְׂרָאֵל וּתְקַעְתֶּם בַּשּׁוֹפָר וַאֲמַרְתֶּם יְחִי הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה׃
לה וַעֲלִיתֶם אַחֲרָיו וּבָא וְיָשַׁב עַל־כִּסְאִי וְהוּא יִמְלֹךְ תַּחְתָּי
לו וְאֹתוֹ צִוִּיתִי לִהְיוֹת נָגִיד עַל־יִשְׂרָאֵל וְעַל־יְהוּדָה׃ וַיַּעַן
בְּנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר ׀ אָמֵן כֵּן יֹאמַר יְהוָה
לז אֱלֹהֵי אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ כַּאֲשֶׁר הָיָה יְהוָה עִם־אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
כֵּן יְהִי עִם־שְׁלֹמֹה וִיגַדֵּל אֶת־כִּסְאוֹ מִכִּסֵּא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ
לח דָּוִד׃ וַיֵּרֶד צָדוֹק הַכֹּהֵן וְנָתָן הַנָּבִיא וּבְנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע
וְהַכְּרֵתִי וְהַפְּלֵתִי וַיַּרְכִּבוּ אֶת־שְׁלֹמֹה עַל־פִּרְדַּת הַמֶּלֶךְ
לט דָּוִד וַיֹּלִכוּ אֹתוֹ עַל־גִּחוֹן׃ וַיִּקַּח צָדוֹק הַכֹּהֵן אֶת־קֶרֶן
הַשֶּׁמֶן מִן־הָאֹהֶל וַיִּמְשַׁח אֶת־שְׁלֹמֹה וַיִּתְקְעוּ בַּשּׁוֹפָר
מ וַיֹּאמְרוּ כָּל־הָעָם יְחִי הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה׃ וַיַּעֲלוּ כָל־הָעָם
אַחֲרָיו וְהָעָם מְחַלְּלִים בַּחֲלִלִים וּשְׂמֵחִים שִׂמְחָה גְדוֹלָה
מא וַתִּבָּקַע הָאָרֶץ בְּקוֹלָם׃ וַיִּשְׁמַע אֲדֹנִיָּהוּ וְכָל־הַקְּרֻאִים
אֲשֶׁר אִתּוֹ וְהֵם כִּלּוּ לֶאֱכֹל וַיִּשְׁמַע יוֹאָב אֶת־קוֹל הַשּׁוֹפָר
מב וַיֹּאמֶר מַדּוּעַ קוֹל־הַקִּרְיָה הוֹמָה׃ עוֹדֶנּוּ מְדַבֵּר וְהִנֵּה יוֹנָתָן
בֶּן־אֶבְיָתָר הַכֹּהֵן בָּא וַיֹּאמֶר אֲדֹנִיָּהוּ בֹּא כִּי אִישׁ חַיִל
מג אַתָּה וְטוֹב תְּבַשֵּׂר׃ וַיַּעַן יוֹנָתָן וַיֹּאמֶר לַאֲדֹנִיָּהוּ אֲבָל
מד אֲדֹנֵינוּ הַמֶּלֶךְ־דָּוִד הִמְלִיךְ אֶת־שְׁלֹמֹה׃ וַיִּשְׁלַח אִתּוֹ

---

לא׳ סבירין ארצה   ׳עד כאן   לז׳ יהיה קרי

מיין זעל פון יעטוועדער צרה, 30 אַז אַזוי ווי איך האָב דיר געשוואָרן ביי יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: נאָר דיין זון שלמה זאָל קיניגן נאָך מיר, און ער זאָל זיצן אויף מיין טראָן נאָך מיר—אַז אַזוי וועל איך טאָן היינטיקן טאָג!

31 האָט בַּת־שֶׁבַע זיך געבייגט מיטן פּנים צו דער ערד, און זיך געבוקט צום מלך, און האָט געזאָגט: אייביק לעבן זאָל מיין האַר דער מלך דוד!

32 און דער מלך דוד האָט געזאָגט: רופט מיר צָדוק דעם כֹּהן, און נָתָן דעם נביא, און בְּנָיָהו דעם זון פון יהוֹיָדָען. זיינען זיי געקומען פאַרן מלך, 33 און דער מלך האָט צו זיי געזאָגט: נעמט מיט אַייך די קנעכט פון אַייער האַר, און זעצט אַרויף מיין זון שלמהן אויף מיין מויל־אייזעלין, און איר זאָלט אים מאַכן נידערן צום גיחון. 34 און זאָל צָדוק דער כֹּהן און נָתָן דער נביא אים דאָרטן זאַלבן פאַר אַ מלך איבער ישׂראל. און איר זאָלט בלאָזן אין שופר, און זאָגן: לעבן זאָל דער מלך שלמה! 35 און איר זאָלט אַרויפגיין נאָך אים, און ער זאָל קומען און זיך זעצן אויף מיין טראָן, און ער זאָל קיניגן אויף מיין אָרט, וואָרום אים האָב איך באַפוילן פאַר אַ פירשט איבער ישׂראל און איבער יהודה.

36 האָט בְּנָיָהו דער זון פון יהוֹיָדָען געענטפערט דעם מלך און האָט געזאָגט: אָמן! אַזוי זאָל זאָגן יהוה דער גאָט פון מיין האַר דעם מלך! 37 אַזוי ווי גאָט איז געווען מיט מיין האַר דעם מלך, אַזוי זאָל ער זיין מיט שלמהן, און ער זאָל גרייסן זיין טראָן נאָך מער פון דעם טראָן פון מיין האַר דעם מלך דוד.

38 און צָדוק דער כֹּהן, און נָתָן דער נביא, און בְּנָיָהו דער זון פון יהוֹיָדָען, און די כְּרֵתים און די פְּלֵתים, האָבן אַראָפּגענידערט, און זיי האָבן אַרויפגעזעצט שלמהן אויף דער מוילאייזעלין פון מלך דוד, און האָבן אים אַראָפּגעפירט צום גיחון. 39 און צָדוק דער כֹּהן האָט גענומען דעם האָרן מיט אייל פון געצעלט, און ער האָט געזאַלבט שלמהן; און זיי האָבן געבלאָזן אין שופר, און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזאָגט: לעבן זאָל דער מלך שלמה! 40 און דאָס גאַנצע פאָלק איז אַרויפגעגאַנגען נאָך אים, און דאָס פאָלק האָט געפּייפט אויף פּייפלען, און זיך געפרייט אַ גרויסע פרייד, און די ערד האָט זיך געשפּאָלטן פון זייער ליאַרעם.

41 און אַדוֹנִיָהו און אַלע פאַררופענע וואָס מיט אים האָבן דאָס דערהערט, ווען זיי האָבן געענדיקט עסן. און ווי יוֹאָב האָט דערהערט דעם קָול פון שופר, אַזוי האָט ער געזאָגט: וואָס טומלט דער ליאַרעם פון שטאָט?

42 ווי ער רעדט נאָך, ערשט יוֹנָתָן דער זון פון אֶבְיָתָר דעם כֹּהן קומט אָן. האָט אַדוֹנִיָהו געזאָגט: קום אַהער, וואָרום אַ ווילער מענטש ביסטו, און גוטס וועסטו אָנזאָגן. 43 האָט געענטפערט יוֹנָתָן און געזאָגט צו אַדוֹנִיָהון: פאַרוואָר, אונדזער האַר דער מלך דוד האָט געמאַכט שלמהן פאַר מלך. 44 און דער מלך האָט געשיקט מיט אים

צָדוק דעם כֹּהן, און נָתָן דעם נביא, און בְּנָיָהו דעם זון פון יהוֹיָדָען, און די כְּרֵתים און די פְּלֵתים, און זיי האָבן אים אַרויפגעזעצט אויף דער מוילאייזעלין פון מלך. [45] און צָדוק דער כֹּהן און נָתָן דער נביא האָבן אים געזאַלבט פאַר מלך ביים גיחון, און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען פון דאָרטן פריילעכע, און די שטאָט האָט געטומלט; דאָס איז דער ליאַרעם וואָס איר האָט געהערט. [46] און שלמה האָט זיך אויך געזעצט אויפן טראָן פון דער מלוכה. [47] און אויך זיינען די קנעכט פון מלך געקומען ווינטשן אונדזער האַר דעם מלך דוד, אַזוי צו זאָגן: זאָל דיין גאָט באַגיטיקן שלמהס נאָמען נאָך מער פון דיין נאָמען, און גרייסן זיין טראָן נאָך מער פון דיין טראָן. און דער מלך האָט זיך געבוקט אויפן געלעגער. [48] און אויך האָט דער מלך אַזוי געזאָגט: געלויבט איז יהוה דער גאָט פון ישׂראל, וואָס האָט היינט געגעבן ווער זאָל זיצן אויף מיין טראָן, און מיינע אויגן זעען עס.

[49] האָבן אַלע פאַררופֿענע וואָס ביי אַדוֹנִיָהון אויפגעציטערט און זיי זיינען אויפגעשטאַנען, און געגאַנגען איטלעכער אויף זיין וועג. [50] און אַדוֹנִיָהו האָט מורא געהאַט פאַר שלמהן, און ער איז אויפגעשטאַנען, און איז געגאַנגען און האָט זיך אָנגענומען אָן די הערנער פון מזבח.

[51] איז אָנגעזאָגט געוואָרן שלמהן, אַזוי צו זאָגן: זע, אַדוֹנִיָהו האָט מורא פאַר דעם מלך שלמה, און אָט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אָן די הערנער פון מזבח, אַזוי צו זאָגן: זאָל מיר דער מלך שלמה היינט שווערן, אויב ער וועט טייטן זיין קנעכט מיטן שווערד.

[52] האָט שלמה געזאָגט: אויב ער וועט זיין אַן אָרנטלעכער מענטש, וועט אַ האָר פון אים ניט פאַלן צו דער ערד; אויב אָבער בייז וועט געפונען ווערן אין אים, וועט ער שטאַרבן.

[53] און דער מלך שלמה האָט געשיקט, און מע האָט אים אַראָפּגענידערט פון מזבח; און ער איז געקומען, און האָט זיך געבוקט צום מלך שלמה, און שלמה האָט צו אים געזאָגט: גיי אַהיים.

המלך את־צדוק הכהן ואת־נתן הנביא ובניהו בן
יהוידע והכרתי והפלתי וירכבו אתו על פרדת המלך:
מה וימשחו אתו צדוק הכהן ונתן הנביא למלך בגחון
ויעלו משם שמחים ותהם הקריה הוא הקול אשר
מו שמעתם: וגם ישב שלמה על כסא המלוכה: וגם־באו
מז עבדי המלך לברך את־אדנינו המלך דוד לאמר ייטב
אלהיך את־שם שלמה משמך ויגדל את־כסאו מכסאך
מח וישתחו המלך על־המשכב: וגם־ככה אמר המלך ברוך
יהוה אלהי ישראל אשר נתן היום ישב על־כסאי ועיני
מט ראות: ויחרדו ויקמו כל־הקראים אשר לאדניהו וילכו
נ איש לדרכו: ואדניהו ירא מפני שלמה ויקם וילך ויחזק
נא בקרנות המזבח: ויגד לשלמה לאמר הנה אדניהו ירא
את־המלך שלמה והנה אחז בקרנות המזבח לאמר
ישבע־לי כיום המלך שלמה אם־ימית את־עבדו בחרב:
נב ויאמר שלמה אם יהיה לבן־חיל לא־יפל משערתו ארצה
נג ואם־רעה תמצא־בו ומת: וישלח המלך שלמה ויורדהו
מעל המזבח ויבא וישתחו למלך שלמה ויאמר־לו
שלמה לך לביתך:

ב

א ויקרבו ימי־דוד למות ויצו את־שלמה בנו לאמר:
ב אנכי הלך בדרך כל־הארץ וחזקת והיית לאיש: ושמרת
ג את־משמרת יהוה אלהיך ללכת בדרכיו לשמר חקתיו
מצותיו ומשפטיו ועדותיו ככתוב בתורת משה למען
תשכיל את כל־אשר תעשה ואת כל־אשר תפנה שם:
ד למען יקים יהוה את־דברו אשר דבר עלי לאמר אם־
ישמרו בניך את־דרכם ללכת לפני באמת בכל־לבבם
ובכל־נפשם לאמר לא־יכרת לך איש מעל כסא ישראל:

א, מז׳ אלהים ק׳   ב, א׳ הפטרת ויחי יעקב

## ב

[1] און די טעג פון דודן האָבן גענענט צום שטאַרבן, און ער האָט באַפוילן זיין זון שלמהן, אַזוי צו זאָגן: [2] איך גיי אין דעם וועג פון דער גאַנצער ערד, זאָלסטו זיך שטאַרקן און זיין אַ מאַן. [3] און זאָלסט היטן די היטונג פון יהוה דיין גאָט, צו גיין אין זיינע וועגן, צו היטן זיינע חוקים און זיינע געבאָט און זיינע געזעצן און זיינע אָנזאָגן, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין תּורת־משה, כּדי זאָלסט באַגליקן אין אַלץ וואָס דו וועסט טאָן, און אומעטום וואָס דו וועסט אַהין זיך קערן; [4] כּדי גאָט זאָל מקיים זיין זיין וואָרט וואָס ער האָט גערעדט וועגן מיר, אַזוי צו זאָגן: אויב דיינע קינדער וועלן אָפּהיטן זייער וועג צו גיין פאַר מיר מיט אמת, מיט זייער גאַנצן האַרצן און מיט זייער גאַנצער זעל—אַזוי צו זאָגן: וועט דיר ניט פאַרשניטן ווערן אַ מאַן פון דעם טראָן פון ישׂראל.

ה וְגַם אַתָּה יָדַעְתָּ אֵת אֲשֶׁר־עָשָׂה לִי יוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה אֲשֶׁר
עָשָׂה לִשְׁנֵי־שָׂרֵי צִבְאוֹת יִשְׂרָאֵל לְאַבְנֵר בֶּן־נֵר וְלַעֲמָשָׂא
בֶן־יֶתֶר וַיַּהַרְגֵם וַיָּשֶׂם דְּמֵי־מִלְחָמָה בְּשָׁלֹם וַיִּתֵּן דְּמֵי
מִלְחָמָה בַּחֲגֹרָתוֹ אֲשֶׁר בְּמָתְנָיו וּבְנַעֲלוֹ אֲשֶׁר בְּרַגְלָיו׃
ו וְעָשִׂיתָ כְּחָכְמָתֶךָ וְלֹא־תוֹרֵד שֵׂיבָתוֹ בְּשָׁלֹם שְׁאֹל׃
ז וְלִבְנֵי בַרְזִלַּי הַגִּלְעָדִי תַּעֲשֶׂה־חֶסֶד וְהָיוּ בְּאֹכְלֵי שֻׁלְחָנֶךָ
ח כִּי־כֵן קָרְבוּ אֵלַי בְּבָרְחִי מִפְּנֵי אַבְשָׁלוֹם אָחִיךָ׃ וְהִנֵּה
עִמְּךָ שִׁמְעִי בֶן־גֵּרָא בֶן־הַיְמִינִי מִבַּחֻרִים וְהוּא קִלְלַנִי
קְלָלָה נִמְרֶצֶת בְּיוֹם לֶכְתִּי מַחֲנָיִם וְהוּא־יָרַד לִקְרָאתִי
הַיַּרְדֵּן וָאֶשָּׁבַע לוֹ בַיהוָה לֵאמֹר אִם־אֲמִיתְךָ בֶּחָרֶב׃
ט וְעַתָּה אַל־תְּנַקֵּהוּ כִּי אִישׁ חָכָם אָתָּה וְיָדַעְתָּ אֵת אֲשֶׁר
י תַּעֲשֶׂה־לּוֹ וְהוֹרַדְתָּ אֶת־שֵׂיבָתוֹ בְּדָם שְׁאוֹל׃ וַיִּשְׁכַּב דָּוִד
יא עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּעִיר דָּוִד׃ וְהַיָּמִים אֲשֶׁר מָלַךְ דָּוִד
עַל־יִשְׂרָאֵל אַרְבָּעִים שָׁנָה בְּחֶבְרוֹן מָלַךְ שֶׁבַע שָׁנִים
יב וּבִירוּשָׁלַםִ מָלַךְ שְׁלֹשִׁים וְשָׁלֹשׁ שָׁנִים׃ וּשְׁלֹמֹה יָשַׁב
יג עַל־כִּסֵּא דָּוִד אָבִיו וַתִּכֹּן מַלְכֻתוֹ מְאֹד׃ וַיָּבֹא
אֲדֹנִיָּהוּ בֶן־חַגִּית אֶל־בַּת־שֶׁבַע אֵם־שְׁלֹמֹה וַתֹּאמֶר
יד הֲשָׁלוֹם בֹּאֶךָ וַיֹּאמֶר שָׁלוֹם׃ וַיֹּאמֶר דָּבָר לִי אֵלָיִךְ וַתֹּאמֶר
טו דַּבֵּר׃ וַיֹּאמֶר אַתְּ יָדַעַתְּ כִּי־לִי הָיְתָה הַמְּלוּכָה וְעָלַי
שָׂמוּ כָל־יִשְׂרָאֵל פְּנֵיהֶם לִמְלֹךְ וַתִּסֹּב הַמְּלוּכָה וַתְּהִי
טז לְאָחִי כִּי מֵיְהוָה הָיְתָה לּוֹ׃ וְעַתָּה שְׁאֵלָה אַחַת אָנֹכִי
יז שֹׁאֵל מֵאִתָּךְ אַל־תָּשִׁבִי אֶת־פָּנָי וַתֹּאמֶר אֵלָיו דַּבֵּר׃ וַיֹּאמֶר
אִמְרִי־נָא לִשְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ כִּי לֹא־יָשִׁיב אֶת־פָּנָיִךְ וְיִתֶּן־לִי
יח אֶת־אֲבִישַׁג הַשּׁוּנַמִּית לְאִשָּׁה׃ וַתֹּאמֶר בַּת־שֶׁבַע טוֹב
יט אָנֹכִי אֲדַבֵּר עָלֶיךָ אֶל־הַמֶּלֶךְ׃ וַתָּבֹא בַת־שֶׁבַע אֶל־הַמֶּלֶךְ
שְׁלֹמֹה לְדַבֶּר־לוֹ עַל־אֲדֹנִיָּהוּ וַיָּקָם הַמֶּלֶךְ לִקְרָאתָהּ
וַיִּשְׁתַּחוּ לָהּ וַיֵּשֶׁב עַל־כִּסְאוֹ וַיָּשֶׂם כִּסֵּא לְאֵם הַמֶּלֶךְ

יב׳ עד כאן

5 און אויך ווייסטו וואָס יואָב דער זון פון צרויָהן האָט מיר געטאָן, וואָס ער האָט געטאָן צו די צוויי חיל־פירער פון ישראל, צו אַבנֵר דעם זון פון נֵרן, און צו עֲמָשָׂאָ דעם זון פון יֶתֶרן, ווי ער האָט זיי געהרגעט, און פאַרגאָסן בלוט פון מלחמה אין שלום, און אַרויפגעטאָן בלוט פון מלחמה אויף זיין גאַרטל וואָס אויף זיינע לענדן, און אויף זיינע שיך וואָס אויף זיינע פיס. 6 דרום זאָלסטו טאָן לויט דיין חכמה, און זאָלסט ניט לאָזן זיינע גראָע האָר נידערן בשלום אין קבר. 7 און מיט די קינדער פון בַּרזִלַי דעם גִלעָדער זאָלסטו טאָן חסד, און זיי זאָלן זיין פון די וואָס עסן ביי דיין טיש, וואָרום זיי האָבן זיך אויך דער־נענטערט צו מיר, ווען איך בין אַנטלאָפן פון דיין ברודער אַבשָלומען. 8 און דאָ איז ביי דיר שִמעִי דער זון פון גֵראָן, דער בנימינער פון בַּחורים, וואָס האָט מיך געשאָלטן מיט טויטע קללות אין דעם טאָג וואָס איך בין געגאַנגען קיין מַחנַיִם; און ער האָט אַראָפּגענידערט מיר אַנטקעגן ביים יַרדן, און איך האָב אים געשוואָרן ביי גאָט, אַזוי צו זאָגן: איך וועל דיך ניט טייטן מיטן שווערד. 9 און אַצונד, זאָלסט אים ניט שענקען, וואָרום אַ קלוגער מענטש ביסטו, און וועסט וויסן וואָס דו זאָלסט טאָן מיט אים; און זאָלסט מאַכן נידערן זיינע גראָע האָר מיט בלוט אין קבר.

10 און דוד האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין דודס־שטאָט. 11 און די טעג וואָס דוד האָט געקיניגט איבער ישראל זיינען געווען פערציק יאָר: אין חֶברון האָט ער געקיניגט זיבן יאָר, און אין ירושָלַיִם האָט ער געקיניגט דריי און דרייסיק יאָר.

12 און שלמה איז געזעסן אויף דעם טראָן פון זיין פאָטער דודן, און זיין מלוכה האָט זיך זייער באַפעסטיקט.

13 און אַדוֹנִיָהו דער זון פון חַגיתן איז געקומען צו בַּת־שֶבַען, שלמהס מוטער. האָט זי צו אים געזאָגט: איז דיין קומען אין פריד? האָט ער געזאָגט: אין פריד. 14 און ער האָט געזאָגט: איך האָב אַ וואָרט צו דיר. האָט זי געזאָגט: רעד. 15 האָט ער געזאָגט: דו ווייסט אַז די מלוכה האָט מיר געקומט, און אויף מיר האָבן גאַנץ ישראל געקערט זייער פנים, צו ווערן מלך. אָבער די מלוכה האָט זיך אומגעדרייט און איז אָנגעקומען צו מיין ברודער, ווייל זי איז אים באַשערט געווען פון גאָט. 16 און אַצונד בעט איך פון דיר איין בקשה: זאָלסט ניט אָפּשטויסן מיין פנים. האָט זי צו אים געזאָגט: רעד. 17 האָט ער געזאָגט: זאָג, איך בעט דיך, דעם מלך שלמה—וואָרום ער וועט ניט אָפּשטויסן דיין פנים—ער זאָל מיר געבן אַבישַג פון שונֵם פאַר אַ ווייב. 18 האָט בַּת־שֶבַע געזאָגט: גוט, איך וועל רעדן פון דיינעטוועגן צום מלך.

19 און בַּת־שֶבַע איז געקומען צום מלך שלמה, צו רעדן צו אים פון אַדוֹנִיָהוס וועגן, און דער מלך איז אויפגעשטאַנען איר אַנטקעגן, און ער האָט זיך צו איר געבוקט, און האָט זיך געזעצט אויף זיין טראָן, און געשטעלט אַ טראָן פאַר דעם

כ וַתֵּשֶׁב לִימִינוֹ׃ וַתֹּאמֶר שְׁאֵלָה אַחַת קְטַנָּה אָנֹכִי שֹׁאֶלֶת
מֵאִתָּךְ אַל־תָּשֶׁב אֶת־פָּנָי וַיֹּאמֶר לָהּ הַמֶּלֶךְ שַׁאֲלִי אִמִּי
כא כִּי לֹא־אָשִׁיב אֶת־פָּנָיִךְ׃ וַתֹּאמֶר יֻתַּן אֶת־אֲבִישַׁג הַשֻּׁנַמִּית
כב לַאֲדֹנִיָּהוּ אָחִיךָ לְאִשָּׁה׃ וַיַּעַן הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה וַיֹּאמֶר לְאִמּוֹ
וְלָמָה אַתְּ שֹׁאֶלֶת אֶת־אֲבִישַׁג הַשֻּׁנַמִּית לַאֲדֹנִיָּהוּ וְשַׁאֲלִי־
לוֹ אֶת־הַמְּלוּכָה כִּי הוּא אָחִי הַגָּדוֹל מִמֶּנִּי וְלוֹ וּלְאֶבְיָתָר
כג הַכֹּהֵן וּלְיוֹאָב בֶּן־צְרוּיָה׃ וַיִּשָּׁבַע הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה
בַּיהוָה לֵאמֹר כֹּה יַעֲשֶׂה־לִּי אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִיף כִּי
כד בְנַפְשׁוֹ דִּבֶּר אֲדֹנִיָּהוּ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וְעַתָּה חַי־יְהוָה
אֲשֶׁר הֱכִינַנִי וַיּוֹשִׁיבִינִי עַל־כִּסֵּא דָּוִד אָבִי וַאֲשֶׁר עָשָׂה־
כה לִי בַּיִת כַּאֲשֶׁר דִּבֵּר כִּי הַיּוֹם יוּמַת אֲדֹנִיָּהוּ׃ וַיִּשְׁלַח
הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בְּיַד בְּנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע וַיִּפְגַּע־בּוֹ וַיָּמֹת׃
כו וּלְאֶבְיָתָר הַכֹּהֵן אָמַר הַמֶּלֶךְ עֲנָתֹת לֵךְ עַל־שָׂדֶיךָ
כִּי אִישׁ מָוֶת אָתָּה וּבַיּוֹם הַזֶּה לֹא אֲמִיתֶךָ כִּי־נָשָׂאתָ
אֶת־אֲרוֹן אֲדֹנָי יְהוִה לִפְנֵי דָּוִד אָבִי וְכִי הִתְעַנִּיתָ בְּכֹל
כז אֲשֶׁר־הִתְעַנָּה אָבִי׃ וַיְגָרֶשׁ שְׁלֹמֹה אֶת־אֶבְיָתָר מִהְיוֹת
כֹּהֵן לַיהוָה לְמַלֵּא אֶת־דְּבַר יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר עַל־בֵּית
כח עֵלִי בְּשִׁלֹה׃ וְהַשְּׁמֻעָה בָּאָה עַד־יוֹאָב כִּי יוֹאָב
נָטָה אַחֲרֵי אֲדֹנִיָּה וְאַחֲרֵי אַבְשָׁלוֹם לֹא נָטָה וַיָּנָס יוֹאָב
כט אֶל־אֹהֶל יְהוָה וַיַּחֲזֵק בְּקַרְנוֹת הַמִּזְבֵּחַ׃ וַיֻּגַּד לַמֶּלֶךְ
שְׁלֹמֹה כִּי נָס יוֹאָב אֶל־אֹהֶל יְהוָה וְהִנֵּה אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ
וַיִּשְׁלַח שְׁלֹמֹה אֶת־בְּנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע לֵאמֹר לֵךְ פְּגַע־בּוֹ׃
ל וַיָּבֹא בְנָיָהוּ אֶל־אֹהֶל יְהוָה וַיֹּאמֶר אֵלָיו כֹּה־אָמַר הַמֶּלֶךְ
צֵא וַיֹּאמֶר ׀ לֹא כִּי פֹה אָמוּת וַיָּשֶׁב בְּנָיָהוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ
לא דָּבָר לֵאמֹר כֹּה־דִבֶּר יוֹאָב וְכֹה עָנָנִי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ הַמֶּלֶךְ
עֲשֵׂה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר וּפְגַע־בּוֹ וּקְבַרְתּוֹ וַהֲסִירֹתָ ׀ דְּמֵי חִנָּם
לב אֲשֶׁר שָׁפַךְ יוֹאָב מֵעָלַי וּמֵעַל בֵּית אָבִי׃ וְהֵשִׁיב יְהוָה

---

כד׳ יתיר י

מלכס מוטער, און זי האָט זיך געזעצט אויף זיין רעכטער זייט. [20] און זי האָט געזאָגט: איין קליינע בקשה בעט איך פון דיר: זאָלסט ניט אָפּשטויסן מיין פּנים. האָט דער מלך צו איר געזאָגט: בעט, מיין מוטער, וואָרום איך וועל ניט אָפּשטויסן דיין פּנים. [21] האָט זי געזאָגט: זאָל אַבישַג פון שונֵם געגעבן ווערן צו דיין ברודער אַדוֹנִיָהון פאַר אַ ווייב. [22] האָט געענטפערט דער מלך שלמה און געזאָגט צו זיין מוטער: און פאַרוואָס בעטסטו אַבישַג פון שונֵם פאַר אַדוֹנִיָהון? בעט פאַר אים אויך די מלוכה, ווייל ער איז מיין עלטערער ברודער—פאַר אים, פאַר אֶביָתָר דעם כֹּהן, און פאַר יוֹאָב דעם זון פון צרוּיָהן.

[23] און דער מלך שלמה האָט געשוואָרן ביי גאָט, אַזוי צו זאָגן: זאָל מיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער, אַז אום זיין לעבן האָט אַדוֹנִיָהו גערעדט דאָסדאָזיקע וואָרט! [24] און אַצונד, אַזוי ווי עס לעבט גאָט, וואָס האָט מיך באַפעסטיקט, און האָט מיך אַרויפגעזעצט אויף דעם טראָן פון מיין פאָטער דודן, און וואָס האָט מיר געמאַכט אַ הויז אַזוי ווי ער האָט גערעדט, אַז היינט מוז אַדוֹנִיָהו געטייט ווערן!

[25] און דער מלך שלמה האָט געשיקט דורך דער האַנט פון בְּנָיָהו דעם זון פון יהוֹיָדָען; און ער איז צוגעפאַלן אויף אים, און ער איז געשטאָרבן.

[26] און צו אֶביָתָר דעם כֹּהן האָט דער מלך געזאָגט: גיי קיין עֲנָתוֹת צו דיינע פעלדער, וואָרום דעם טויט ביסטו ווערט, אָבער היינטיקן טאָג וועל איך דיך ניט טייטן, ווייל דו האָסט געטראָגן דעם אָרון פון גאָט דעם האַר פאַר מיין פאָטער דודן, און ווייל דו האָסט זיך געפּלאָגט אין אַלץ וואָס מיין פאָטער האָט זיך געפּלאָגט.

[27] און שלמה האָט פאַרטריבן אֶביָתָרן פון זיין אַ כֹּהן צו גאָט; כּדי עס זאָל דערפילט ווערן דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט גערעדט אויף עֵלִיס הויז אין שילוֹ[א].

[28] און ווי די הערונג איז אָנגעקומען צו יוֹאָבן—וואָרום יוֹאָב האָט זיך גענייגט נאָך אַדוֹנִיָהן, הגם נאָך אַבשָׁלוֹמען האָט ער זיך ניט גענייגט—איז יוֹאָב אַנטלאָפן צום געצעלט פון גאָט, און האָט זיך אָנגענומען אָן די הערנער פון מזבח.

[29] איז אָנגעזאָגט געוואָרן דעם מלך שלמה, אַז יוֹאָב איז אַנטלאָפן צו דעם געצעלט פון גאָט, און אָן איז ער ביים מזבח. און שלמה האָט געשיקט בְּנָיָהו דעם זון פון יהוֹיָדָען, אַזוי צו זאָגן: גיי פאַל־צו אויף אים.

[30] איז בְּנָיָהו געקומען צו דעם געצעלט פון גאָט, און ער האָט צו אים געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט דער מלך: גיי אַרויס. האָט ער געזאָגט: ניין, נייערט דאָ וועל איך שטאַרבן.

האָט בְּנָיָהו געבראַכט דעם מלך אַ תשובה, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גערעדט יוֹאָב, און אַזוי האָט ער מיר געענטפערט. [31] האָט דער מלך צו אים געזאָגט: טו אַזוי ווי ער האָט גערעדט, און פאַל־צו אויף אים; און זאָלסט אים באַגראָבן, און אָפּטאָן דאָס אומזיסט בלוט וואָס יוֹאָב האָט פאַרגאָסן, פון מיר און פון מיין פאָטערס הויז. [32] און זאָל גאָט

[א]זע שמואל א׳ ב, 30 און ווייטער.

אֶת־דָּמוֹ עַל־רֹאשׁוֹ אֲשֶׁר פָּגַע בִּשְׁנֵי־אֲנָשִׁים צַדִּקִים
וְטֹבִים מִמֶּנּוּ וַיַּהַרְגֵם בַּחֶרֶב וְאָבִי דָוִד לֹא יָדָע אֶת־
אַבְנֵר בֶּן־נֵר שַׂר־צְבָא יִשְׂרָאֵל וְאֶת־עֲמָשָׂא בֶן־יֶתֶר שַׂר־
צְבָא יְהוּדָה׃ וְשָׁבוּ דְמֵיהֶם בְּרֹאשׁ יוֹאָב וּבְרֹאשׁ זַרְעוֹ לג
לְעֹלָם וּלְדָוִד וּלְזַרְעוֹ וּלְבֵיתוֹ וּלְכִסְאוֹ יִהְיֶה שָׁלוֹם עַד־
עוֹלָם מֵעִם יְהוָה׃ וַיַּעַל בְּנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע וַיִּפְגַּע־בּוֹ לד
וַיְמִתֵהוּ וַיִּקָּבֵר בְּבֵיתוֹ בַּמִּדְבָּר׃ וַיִּתֵּן הַמֶּלֶךְ אֶת־בְּנָיָהוּ לה
בֶן־יְהוֹיָדָע תַּחְתָּיו עַל־הַצָּבָא וְאֶת־צָדוֹק הַכֹּהֵן נָתַן הַמֶּלֶךְ
תַּחַת אֶבְיָתָר׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ וַיִּקְרָא לְשִׁמְעִי וַיֹּאמֶר לו
לוֹ בְּנֵה־לְךָ בַיִת בִּירוּשָׁלַםִ וְיָשַׁבְתָּ שָׁם וְלֹא־תֵצֵא מִשָּׁם
אָנֶה וָאָנָה׃ וְהָיָה ׀ בְּיוֹם צֵאתְךָ וְעָבַרְתָּ אֶת־נַחַל קִדְרוֹן לז
יָדֹעַ תֵּדַע כִּי מוֹת תָּמוּת דָּמְךָ יִהְיֶה בְרֹאשֶׁךָ׃ וַיֹּאמֶר לח
שִׁמְעִי לַמֶּלֶךְ טוֹב הַדָּבָר כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ כֵּן
יַעֲשֶׂה עַבְדֶּךָ וַיֵּשֶׁב שִׁמְעִי בִּירוּשָׁלַםִ יָמִים רַבִּים׃
וַיְהִי מִקֵּץ שָׁלֹשׁ שָׁנִים וַיִּבְרְחוּ שְׁנֵי־עֲבָדִים לְשִׁמְעִי אֶל־ לט
אָכִישׁ בֶּן־מַעֲכָה מֶלֶךְ גַּת וַיַּגִּידוּ לְשִׁמְעִי לֵאמֹר הִנֵּה
עֲבָדֶיךָ בְּגַת׃ וַיָּקָם שִׁמְעִי וַיַּחֲבֹשׁ אֶת־חֲמֹרוֹ וַיֵּלֶךְ גַּתָה מ
אֶל־אָכִישׁ לְבַקֵּשׁ אֶת־עֲבָדָיו וַיֵּלֶךְ שִׁמְעִי וַיָּבֵא אֶת־
עֲבָדָיו מִגַּת׃ וַיֻּגַּד לִשְׁלֹמֹה כִּי־הָלַךְ שִׁמְעִי מִירוּשָׁלַםִ מא
גַּת וַיָּשֹׁב׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ וַיִּקְרָא לְשִׁמְעִי וַיֹּאמֶר אֵלָיו הֲלוֹא מב
הִשְׁבַּעְתִּיךָ בַיהוָה וָאָעִד בְּךָ לֵאמֹר בְּיוֹם צֵאתְךָ וְהָלַכְתָּ
אָנֶה וָאָנָה יָדֹעַ תֵּדַע כִּי מוֹת תָּמוּת וַתֹּאמֶר אֵלַי טוֹב
הַדָּבָר שָׁמָעְתִּי׃ וּמַדּוּעַ לֹא שָׁמַרְתָּ אֵת שְׁבֻעַת יְהוָה וְאֶת־ מג
הַמִּצְוָה אֲשֶׁר־צִוִּיתִי עָלֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־שִׁמְעִי אַתָּה מד
יָדַעְתָּ אֵת כָּל־הָרָעָה אֲשֶׁר יָדַע לְבָבְךָ אֲשֶׁר עָשִׂיתָ לְדָוִד
אָבִי וְהֵשִׁיב יְהוָה אֶת־רָעָתְךָ בְּרֹאשֶׁךָ׃ וְהַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה מה
בָּרוּךְ וְכִסֵּא דָוִד יִהְיֶה נָכוֹן לִפְנֵי יְהוָה עַד־עוֹלָם׃ וַיְצַו מו

לט׳ מ׳ פתח באס״ף

אומקערן זיין בלוט אויף זיין קאָפּ, פאַרוואָס ער איז אָנגעפאַלן אויף צוויי מענטשן גערעכטערע און בעסערע פון אים, און האָט זיי געהרגעט מיטן שווערד, און מיין פאָטער דוד האָט ניט געוווּסט: אַבנֵר דעם זון פון נֵרן, דעם חיל־פירער פון ישׂראל, און עֲמָשָׂא דעם זון פון יֶתֶרן, דעם חיל־פירער פון יהודה. 33 און זייער בלוט זאָל זיך אומקערן אויפן קאָפּ פון יוֹאָבן, און אויפן קאָפּ פון זיין זאָמען אויף אייביק; און צו דודן און צו זיין זאָמען, און צו זיין הויז און צו זיין טראָן, זאָל זיין פריד אויף אייביק פון גאָט.

34 איז אַרויפגעגאַנגען בְּנָיָהו דער זון פון יהוֹיָדָען, און ער איז צוגעפאַלן אויף אים, און האָט אים געטייט. און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין זיין הײם אין מדבר.

35 און דער מלך האָט אויפגעזעצט בְּנָיָהוּ דעם זון פון יהוֹיָדָען אויף זיין אָרט איבערן חיל; און צָדוֹק דעם כֹּהן האָט דער מלך אויפגעזעצט אויף אֶבְיָתָרס אָרט.

36 און דער מלך האָט געשיקט און האָט גערופן שִׁמְעִין, און האָט צו אים געזאָגט: בוי דיר אַ הויז אין ירוּשָׁלַיִם, און זאָלסט דאָרטן זיצן, און זאָלסט פון דאָרטן ניט אַרויסגיין אין ערגעץ. 37 און עס וועט זיין, אין דעם טאָג וואָס דו גייסט אַרויס, און וועסט אַריבערגיין דעם טייך קִדְרוֹן, וויסן זאָלסטו וויסן זיין, אַז שטאַרבן וועסטו שטאַרבן; דיין בלוט וועט זיין אויף דיין קאָפּ. 38 האָט שִׁמְעִי געזאָגט צום מלך: גוט איז דאָס וואָרט; אַזוי ווי מיין האַר דער מלך האָט גערעדט, אַזוי וועט דיין קנעכט טאָן.

און שִׁמְעִי איז געזעסן אין ירוּשָׁלַיִם פיל טעג. 39 אָבער עס איז געווען צום סוף פון דריי יאָר, זיינען צוויי קנעכט פון שִׁמְעִין אַנטלאָפן צו אָכִיש דעם זון פון מַעֲכָהן, דעם מלך פון גַת, און מע האָט אָנגעזאָגט שִׁמְעִין, אַזוי צו זאָגן: זע, דיינע קנעכט זיינען אין גַת. 40 איז אויפגעשטאַנען שִׁמְעִי, און האָט אָנגעזאָטלט זיין אייזל, און איז אַוועק קיין גַת צו אָכִישן זוכן זיינע קנעכט. און שִׁמְעִי איז געגאַנגען און האָט געבראַכט זיינע קנעכט פון גַת.

41 איז אָנגעזאָגט געוואָרן שלמהן, אַז שִׁמְעִי איז געגאַנגען פון ירוּשָׁלַיִם קיין גַת, און האָט זיך אומגעקערט. 42 און דער מלך האָט געשיקט און גערופן שִׁמְעִין, און האָט צו אים געזאָגט: האָב איך דיך ניט באַשוואָרן ביי גאָט, און דיך געוואָרנט, אַזוי צו זאָגן: אין דעם טאָג וואָס דו גייסט אַרויס, און וועסט גיין ערגעץ ווו, וויסן זאָלסטו וויסן זיין, אַז שטאַרבן וועסטו שטאַרבן? און דו האָסט צו מיר געזאָגט: גוט איז דאָס וואָרט; איך האָב געהערט. 43 היינט פאַרוואָס האָסטו ניט געהיט די שבועה פון גאָט, און דעם באַפעל וואָס איך האָב דיר באַפוילן? 44 אויך האָט דער מלך געזאָגט צו שִׁמְעִין: דו ווייסט אַלדאָס בייז וואָס דיין האַרץ האָט געוווּסט אַז דו טוסט צו מיין פאָטער דודן; דרום זאָל גאָט אומקערן דיין בייז אויף דיין קאָפּ; 45 און דער מלך שלמה זאָל זיין געבענטשט, און דער טראָן פון דוד זאָל זיין פעסט פאַר גאָט אויף אייביק.

46 און דער מלך האָט באַפֿוילן בְּנָיָהוּ דעם זון פֿון יְהוֹיָדָעַן, און ער איז אַרויסגעגאַנגען, און איז צוגעפֿאַלן אויף אים, און ער איז געשטאָרבן.

און די מלוכה איז געווען באַפֿעסטיקט אין דער האַנט פֿון שלמהן.

ג 1 און שלמה האָט זיך מתחתן געווען מיט פַּרעה דעם מלך פֿון מִצרַיִם, און ער האָט גענומען פַּרעהס טאָכטער, און האָט זי געבראַכט אין דודס־שטאָט, ביז ער האָט געענדיקט בויען זײַן הויז, און דאָס הויז פֿון גאָט, און די מויער פֿון ירושָלַיִם רונד אַרום.

2 אָבער דאָס פֿאָלק האָט געשלאַכט אויף די בָּמות, וואָרום אַ הויז צו דעם נאָמען פֿון גאָט איז ניט געבויט גע־ווען ביז יענע טעג. 3 און שלמה האָט ליב געהאַט גאָט, צו גיין אין די געזעצן פֿון זײַן פֿאָטער דודן; נאָר ער האָט געשלאַכט און גערייכערט אויף די בָּמות.

4 און דער מלך איז געגאַנגען קיין גִבעון דאָרטן צו שלאַכטן, וואָרום דאָרטן איז געווען די גרויסע בָּמָה. טויזנט בראַנדאָפּפֿער פֿלעגט שלמה אויפֿברענגען אויף יענעם מזבח.

5 אין גִבעון האָט זיך גאָט באַוויזן צו שלמהן אין אַ חלום פֿון דער נאַכט, און גאָט האָט געזאָגט: בעט וואָס איך זאָל דיר געבן. 6 האָט שלמה געזאָגט: דו האָסט גע־טאָן מיט דײַן קנעכט, מײַן פֿאָטער דודן, גרויס חסד, אַזוי ווי ער איז געגאַנגען פֿאַר דיר מיט אמת און מיט גערעכטיקייט און מיט רעכטפֿאַרטיקייט פֿון האַרצן קעגן דיר; און האָסט אים געהיט דעמדאָזיקן גרויסן חסד, און האָסט אים געגעבן אַ זון וואָס זיצט אויף זײַן טראָן אַזוי ווי הײַנטיקן טאָג. 7 און אַצונד, יהוה מײַן גאָט, דו האָסט געמאַכט דײַן קנעכט פֿאַר אַ מלך אויף דעם אָרט פֿון מײַן פֿאָטער דודן, און איך בין אַ קליין ייִנגל, איך ווייס ניט ווי אויס און ווי אײַן. 8 און דײַן קנעכט איז אין מיטן פֿון דײַן פֿאָלק וואָס דו האָסט אויסדערוויילט, אַ גרויס פֿאָלק וואָס קען ניט געציילט און ניט באַרעכנט ווערן פֿון פֿילקייט. 9 דרום זאָלסטו געבן דײַן קנעכט אַ פֿאַרשטאַנדיק האַרץ, צו משפּטן דײַן פֿאָלק, צו דערקענען צווישן גוטס און שלעכטס, וואָרום ווער קען משפּטן דאָסדאָזיקע גרויסע פֿאָלק דײַנס?

10 און די זאַך איז ווױלגעפֿעלן אין די אויגן פֿון גאָט, וואָס שלמה האָט געבעטן דידאָזיקע זאַך. 11 און גאָט האָט צו אים געזאָגט: ווײַל דו האָסט געבעטן דידאָזיקע זאַך, און ניט דו האָסט דיר געבעטן פֿיל טעג, און ניט דו האָסט דיר געבעטן עשירות, און ניט דו האָסט געבעטן דאָס לעבן פֿון דײַנע פֿײַנט, נייערט האָסט דיר געבעטן שׂכל צו פֿאַרשטיין אַ משפּט, 12 אָט האָב איך געטאָן לויט דײַן וואָרט: זע, איך האָב דיר געגעבן אַ קלוג און פֿאַרשטאַנדיק האַרץ, אַז אַזאַ ווי דו איז ניט געווען פֿאַר דיר, און נאָך דיר וועט ניט אויפֿשטיין אַזאַ ווי דו. 13 און אויך וואָס דו האָסט ניט געבעטן

הַמֶּלֶךְ אֶת־בְּנָיָהוּ בֶּן־יְהוֹיָדָע וַיֵּצֵא וַיִּפְגַּע־בּוֹ וַיָּמֹת וְהַמַּמְלָכָה
נָכוֹנָה בְּיַד־שְׁלֹמֹה׃

ג

א וַיִּתְחַתֵּן שְׁלֹמֹה אֶת־פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרָיִם וַיִּקַּח אֶת־בַּת־
פַּרְעֹה וַיְבִיאֶהָ אֶל־עִיר דָּוִד עַד כַּלֹּתוֹ לִבְנוֹת אֶת־בֵּיתוֹ
ב וְאֶת־בֵּית יְהוָה וְאֶת־חוֹמַת יְרוּשָׁלִַם סָבִיב׃ רַק הָעָם
מְזַבְּחִים בַּבָּמוֹת כִּי לֹא־נִבְנָה בַיִת לְשֵׁם יְהוָה עַד הַיָּמִים
ג הָהֵם׃ וַיֶּאֱהַב שְׁלֹמֹה אֶת־יְהוָה לָלֶכֶת בְּחֻקּוֹת דָּוִד
ד אָבִיו רַק בַּבָּמוֹת הוּא מְזַבֵּחַ וּמַקְטִיר׃ וַיֵּלֶךְ הַמֶּלֶךְ
גִּבְעֹנָה לִזְבֹּחַ שָׁם כִּי־הִיא הַבָּמָה הַגְּדוֹלָה אֶלֶף עֹלוֹת
ה יַעֲלֶה שְׁלֹמֹה עַל הַמִּזְבֵּחַ הַהוּא׃ בְּגִבְעוֹן נִרְאָה יְהוָה
אֶל־שְׁלֹמֹה בַּחֲלוֹם הַלָּיְלָה וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים שְׁאַל מָה
ו אֶתֶּן־לָךְ׃ וַיֹּאמֶר שְׁלֹמֹה אַתָּה עָשִׂיתָ עִם־עַבְדְּךָ דָוִד אָבִי
חֶסֶד גָּדוֹל כַּאֲשֶׁר הָלַךְ לְפָנֶיךָ בֶּאֱמֶת וּבִצְדָקָה וּבְיִשְׁרַת
לֵבָב עִמָּךְ וַתִּשְׁמָר־לוֹ אֶת־הַחֶסֶד הַגָּדוֹל הַזֶּה וַתִּתֶּן־לוֹ
ז בֵן יֹשֵׁב עַל־כִּסְאוֹ כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וְעַתָּה יְהוָה אֱלֹהָי אַתָּה
הִמְלַכְתָּ אֶת־עַבְדְּךָ תַּחַת דָּוִד אָבִי וְאָנֹכִי נַעַר קָטֹן לֹא
ח אֵדַע צֵאת וָבֹא׃ וְעַבְדְּךָ בְּתוֹךְ עַמְּךָ אֲשֶׁר בָּחָרְתָּ עַם־
ט רָב אֲשֶׁר לֹא־יִמָּנֶה וְלֹא יִסָּפֵר מֵרֹב׃ וְנָתַתָּ לְעַבְדְּךָ לֵב
שֹׁמֵעַ לִשְׁפֹּט אֶת־עַמְּךָ לְהָבִין בֵּין־טוֹב לְרָע כִּי מִי יוּכַל
י לִשְׁפֹּט אֶת־עַמְּךָ הַכָּבֵד הַזֶּה׃ וַיִּיטַב הַדָּבָר בְּעֵינֵי אֲדֹנָי
יא כִּי שָׁאַל שְׁלֹמֹה אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וַיֹּאמֶר אֱלֹהִים אֵלָיו
יַעַן אֲשֶׁר שָׁאַלְתָּ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה וְלֹא־שָׁאַלְתָּ לְּךָ יָמִים
רַבִּים וְלֹא־שָׁאַלְתָּ לְּךָ עֹשֶׁר וְלֹא שָׁאַלְתָּ נֶפֶשׁ אֹיְבֶיךָ
יב וְשָׁאַלְתָּ לְּךָ הָבִין לִשְׁמֹעַ מִשְׁפָּט׃ הִנֵּה עָשִׂיתִי כִּדְבָרֶיךָ
הִנֵּה ׀ נָתַתִּי לְךָ לֵב חָכָם וְנָבוֹן אֲשֶׁר כָּמוֹךָ לֹא־הָיָה
יג לְפָנֶיךָ וְאַחֲרֶיךָ לֹא־יָקוּם כָּמוֹךָ׃ וְגַם אֲשֶׁר לֹא־שָׁאַלְתָּ

---

ו׳ קמץ בז״ק   יב׳ למדנחאי כדברך

נָתַתִּי לָךְ גַּם־עֹשֶׁר גַּם־כָּבוֹד אֲשֶׁר לֹא־הָיָה כָמוֹךָ אִישׁ
בַּמְּלָכִים כָּל־יָמֶיךָ׃ וְאִם ׀ תֵּלֵךְ בִּדְרָכַי לִשְׁמֹר חֻקַּי וּמִצְוֺתַי יד
כַּאֲשֶׁר הָלַךְ דָּוִיד אָבִיךָ וְהַאֲרַכְתִּי אֶת־יָמֶיךָ׃ •וַיִּקַץ טו
שְׁלֹמֹה וְהִנֵּה חֲלוֹם וַיָּבוֹא יְרוּשָׁלַםִ וַיַּעֲמֹד ׀ לִפְנֵי ׀ אֲרוֹן
בְּרִית־אֲדֹנָי וַיַּעַל עֹלוֹת וַיַּעַשׂ שְׁלָמִים וַיַּעַשׂ מִשְׁתֶּה לְכָל־
עֲבָדָיו׃ אָז תָּבֹאנָה שְׁתַּיִם נָשִׁים זֹנוֹת אֶל־הַמֶּלֶךְ טז
וַתַּעֲמֹדְנָה לְפָנָיו׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הָאַחַת בִּי אֲדֹנִי אֲנִי יז
וְהָאִשָּׁה הַזֹּאת יֹשְׁבֹת בְּבַיִת אֶחָד וָאֵלֵד עִמָּהּ בַּבָּיִת׃ וַיְהִי יח
בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי לְלִדְתִּי וַתֵּלֶד גַּם־הָאִשָּׁה הַזֹּאת וַאֲנַחְנוּ יַחְדָּו
אֵין־זָר אִתָּנוּ בַּבַּיִת זוּלָתִי שְׁתַּיִם־אֲנַחְנוּ בַּבָּיִת׃ וַיָּמָת בֶּן־ יט
הָאִשָּׁה הַזֹּאת לָיְלָה אֲשֶׁר שָׁכְבָה עָלָיו׃ וַתָּקָם בְּתוֹךְ כ
הַלַּיְלָה וַתִּקַּח אֶת־בְּנִי מֵאֶצְלִי וַאֲמָתְךָ יְשֵׁנָה וַתַּשְׁכִּיבֵהוּ
בְּחֵיקָהּ וְאֶת־בְּנָהּ הַמֵּת הִשְׁכִּיבָה בְחֵיקִי׃ וָאָקֻם בַּבֹּקֶר כא
לְהֵינִיק אֶת־בְּנִי וְהִנֵּה־מֵת וָאֶתְבּוֹנֵן אֵלָיו בַּבֹּקֶר וְהִנֵּה
לֹא־הָיָה בְנִי אֲשֶׁר יָלָדְתִּי׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הָאַחֶרֶת כב
לֹא כִי בְּנִי הַחַי וּבְנֵךְ הַמֵּת וְזֹאת אֹמֶרֶת לֹא כִי בְּנֵךְ הַמֵּת
וּבְנִי הֶחָי וַתְּדַבֵּרְנָה לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ זֹאת כג
אֹמֶרֶת זֶה־בְּנִי הַחַי וּבְנֵךְ הַמֵּת וְזֹאת אֹמֶרֶת לֹא כִי בְּנֵךְ
הַמֵּת וּבְנִי הֶחָי׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ קְחוּ לִי־חָרֶב וַיָּבִאוּ הַחֶרֶב כד
לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ גִּזְרוּ אֶת־הַיֶּלֶד הַחַי לִשְׁנָיִם כה
וּתְנוּ אֶת־הַחֲצִי לְאַחַת וְאֶת־הַחֲצִי לְאֶחָת׃ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה כו
אֲשֶׁר־בְּנָהּ הַחַי אֶל־הַמֶּלֶךְ כִּי־נִכְמְרוּ רַחֲמֶיהָ עַל־בְּנָהּ
וַתֹּאמֶר ׀ בִּי אֲדֹנִי תְּנוּ־לָהּ אֶת־הַיָּלוּד הַחַי וְהָמֵת אַל־
תְּמִיתֻהוּ וְזֹאת אֹמֶרֶת גַּם־לִי גַם־לָךְ לֹא יִהְיֶה גְּזֹרוּ׃ וַיַּעַן כז
הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר תְּנוּ־לָהּ אֶת־הַיָּלוּד הַחַי וְהָמֵת לֹא תְמִיתֻהוּ
הִיא אִמּוֹ׃ וַיִּשְׁמְעוּ כָל־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַמִּשְׁפָּט אֲשֶׁר שָׁפַט כח

• הפטרת מקץ

האָב איך דיר געגעבן: אי עושר אי כבוד אַלע דיינע טעג, אַז קיינער אַזאַ ווי דו איז ניט געווען צווישן די מלכים. 14 און אַז דו וועסט גיין אין מיינע וועגן צו היטן מיינע געזעצן און מיינע געבאָט, אַזוי ווי דיין פאָטער דוד איז געגאַנגען, וועל איך דערלענגערן דיינע טעג.

15 האָט זיך אויפגעכאַפּט שלמה, ערשט עס איז אַ חלום. און ער איז געקומען קיין ירושָלַיִם, און האָט זיך געשטעלט פאַר דעם אָרון פון גאָטס בונד, און ער האָט אויפגעבראַכט בראַנדאָפּפער, און געמאַכט פרידאָפּפער, און געמאַכט אַ מאָלצייט פאַר אַלע זיינע קנעכט.

16 דענסמאָל זיינען געקומען צוויי פרויען זונות צו דעם מלך, און זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר אים. 17 און איין פרוי האָט געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַר, איך און דידאָזיקע פרוי וווינען אין איין הויז, און איך האָב געבאָרן מיט איר אין הויז. 18 און עס איז געווען אויפן דריטן טאָג נאָך מיין געבערן, האָט אויך דידאָזיקע פרוי געבאָרן; און מיר זיינען געווען זאַלבענאַנד, קיין פרעמדער איז מיט אונדז ניט געווען אין הויז; בלויז מיר צוויי זיינען געווען אין הויז. 19 איז געשטאָרבן דאָס קינד פון דערדאָזיקער פרוי ביי נאַכט, ווייל זי איז געלעגן אויף אים. 20 איז זי אויפגעשטאַנען אין מיטן נאַכט, און האָט אַוועקגענומען מיין זון פון לעבן מיר, בעת דיין דינסט איז געשלאָפן, און זי האָט אים געלייגט אין איר בוזעם, און איר טויטן זון האָט זי געלייגט אין מיין בוזעם. 21 און איך בין אויפגעשטאַנען אין דער פרי אָנצוזייגן מיין זון, ערשט ער איז טויט; אָבער אַז איך האָב אים באַטראַכט אין דער פרי, ערשט דאָס איז ניט געווען מיין זון וואָס איך האָב געבאָרן.

22 האָט די אַנדער פרוי געזאָגט: ניין, ניירט מיין זון איז דער לעבעדיקער, און דיין זון דער טויטער. און די זאָגט: ניין, ניירט דיין זון איז דער טויטער, און מיין זון דער לעבעדיקער. און זיי האָבן גערעדט פאַרן מלך.

23 האָט דער מלך געזאָגט: די זאָגט: דאָס איז מיין זון דער לעבעדיקער, און דיין זון דער טויטער; און די זאָגט: ניין, ניירט דיין זון איז דער טויטער, און מיין זון דער לעבעדיקער. 24 און דער מלך האָט געזאָגט: ברענגט מיר אַ שווערד. האָט מען געבראַכט אַ שווערד פאַרן מלך. 25 האָט דער מלך געזאָגט: צעשניידט דאָס לעבעדיקע קינד אין צווייען, און גיט אַ העלפט צו איינער, און אַ העלפט צו דער אַנדערער.

26 האָט גערעדט די פרוי וואָס איר זון איז געווען דער לעבעדיקער, צום מלך—וואָרום דאָס האַרץ האָט איר פאַרקלעמט אויף איר זון—און זי האָט געזאָגט: איך בעט דיך, מיין האַר, גיט איר דאָס לעבעדיקע קינד, נאָר טייטן זאָלט איר עס ניט טייטן. און יענע זאָגט: ניט מיר און ניט דיר זאָל עס געהערן; שניידט!

27 האָט זיך אָפּגערופן דער מלך און געזאָגט: גיט איר דאָס לעבעדיקע קינד, און טייטן זאָלט איר עס ניט טייטן; זי איז זיין מוטער.

28 און גאַנץ ישראל האָבן געהערט דעם משפט וואָס דער מלך האָט געמשפט, און זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן

מֶלֶך, וואָרום זיי האָבן געזען אַז גאָטס חכמה איז אין אים צו טאָן גערעכטיקייט.

ד 1 און דער מלך שלמה איז געווען מלך איבער גאַנץ ישׂראל.

2 און דאָס זיינען די האַרן וואָס ער האָט געהאַט: עֲזַרְיָהו דער זון פון צָדוֹקן, דער כּהן; 3 אֱליחוֹרֶף און אַחִיָה, די זין פון שישאָן, שרייבערס; יהוֹשָׁפָט דער זון פון אַחילודן, דער דערמאָנער; 4 און בְּנָיָהו דער זון פון יהוֹיָדָען, איבערן חיל; און צָדוֹק און אֶבְיָתָר, כּהנים; 5 און עֲזַרְיָהו דער זון פון נָתָנען, איבער די געשטעלטעא; און זָבוּד דער זון פון נָתָנען, אַן אויבערמאַן, דעם מלכס חבר; 6 און אַחישָׁר, איבערן פּאַלאַץ; און אַדוֹנירָם דער זון פון עַבדאָן, איבערן צינז.

7 און שלמה האָט געהאַט צוועלף געשטעלטע איבער גאַנץ ישׂראל, און זיי פלעגן אויסהאַלטן דעם מלך און זיין הויז; אַ חודש אין יאָר פלעגט איטלעכער דאַרפן אויס־האַלטן. 8 און דאָס זיינען זייערע נעמען: דער זון פון חורן, אין דעם געבערג פון אפרים. 9 דער זון פון דֶקֶרן, אין מָקַץ, און אין שַׁעַלבים, און בֵּית־שֶׁמֶש, און אֵילוֹן־בֵּית־חָנָן. 10 דער זון פון חֶסֶדן, אין אַרוּבּוֹת; אונטער אים איז געווען שׂוֹכו, און דאָס גאַנצע לאַנד חֵפֶר. 11 דער זון פון אַבינָדָבן, אין דער גאַנצער געגנט פון דור; ער האָט גע־האַט טָפַת די טאָכטער פון שלמהן פאַר אַ ווייב. 12 בַּעֲנאָ דער זון פון אַחילודן, אין תַּעְנַך, און מגדו, און גאַנץ בֵּית־שְׁאָן וואָס לעבן צָרְתָן אונטער יִזְרְעֶאל, פון בֵּית־שְׁאָן ביז אָבֵל־מחוֹלָה, ביז פון יענער זייט יָקְמְעָם. 13 דער זון פון גֶבֶרן, אין רָמוֹת־גִלְעָד; אונטער אים זיינען געווען די דערפער פון יָאיר דעם זון פון מנשהן, וואָס אין גִלְעָד; אונטער אים איז געווען די געגנט פון אַרגוֹב וואָס אין בָּשָׁן, זעכציק גרויסע שטעט מיט מויערן און קופּערנע ריגלען. 14 אַחינָדָב דער זון פון עִדאָן, אין מַחֲנַיִם. 15 אַחימַעַץ, אין נפתלי; ער אויך האָט גענומען בָּשְׂמַת די טאָכטער פון שלמהן פאַר אַ ווייב. 16 בַּעֲנאָ דער זון פון חושַׁין, אין אָשֵׁר, און בְּעָלוֹת. 17 יהוֹשָׁפָט דער זון פון פָּרוּחַן, אין יִשָׂשׂכָר. 18 שִׁמְעִי דער זון פון אֵלאָן אין בנימין. 19 גֶבֶר דער זון פון אורין, אין לאַנד גִלְעָד, דעם לאַנד פון סיחון דעם מלך פון אֱמוֹרי, און פון עוֹג דעם מלך פון בָּשָׁן. און איין געשטעלטער וואָס איבערן [גאַנצן] לאַנד.

20 יהודה און ישׂראל זיינען געווען אַזוי ווי דער זאַמד וואָסביים ים אין פילקייט. זיי האָבן געגעסן און געטרונקען און געווען פריילעך.

א זע פסוק 7.

הַמֶּלֶךְ וַיִּרְאוּ מִפְּנֵי הַמֶּלֶךְ כִּי רָאוּ כִּי־חָכְמַת אֱלֹהִים
בְּקִרְבּוֹ לַעֲשׂוֹת מִשְׁפָּט׃

ד

א ב וַיְהִי הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה מֶלֶךְ עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וְאֵלֶּה
ג הַשָּׂרִים אֲשֶׁר־לוֹ עֲזַרְיָהוּ בֶן־צָדוֹק הַכֹּהֵן׃ אֱלִיחֹרֶף
וַאֲחִיָּה בְּנֵי שִׁישָׁא סֹפְרִים יְהוֹשָׁפָט בֶּן־אֲחִילוּד הַמַּזְכִּיר׃
ד וּבְנָיָהוּ בֶן־יְהוֹיָדָע עַל־הַצָּבָא וְצָדוֹק וְאֶבְיָתָר כֹּהֲנִים׃
ה וַעֲזַרְיָהוּ בֶן־נָתָן עַל־הַנִּצָּבִים וְזָבוּד בֶּן־נָתָן כֹּהֵן רֵעֶה
ו הַמֶּלֶךְ׃ וַאֲחִישָׁר עַל־הַבָּיִת וַאֲדֹנִירָם בֶּן־עַבְדָּא עַל־הַמַּס׃
ז וְלִשְׁלֹמֹה שְׁנֵים־עָשָׂר נִצָּבִים עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל וְכִלְכְּלוּ
אֶת־הַמֶּלֶךְ וְאֶת־בֵּיתוֹ חֹדֶשׁ בַּשָּׁנָה יִהְיֶה עַל־אֶחָד לְכַלְכֵּל׃
ח ט וְאֵלֶּה שְׁמוֹתָם בֶּן־חוּר בְּהַר אֶפְרָיִם׃ בֶּן־דֶּקֶר בְּמָקַץ
י וּבְשַׁעַלְבִים וּבֵית שָׁמֶשׁ וְאֵילוֹן בֵּית חָנָן׃ בֶּן־חֶסֶד בָּאֲרֻבּוֹת
יא לוֹ שֹׂכֹה וְכָל־אֶרֶץ חֵפֶר׃ בֶּן־אֲבִינָדָב כָּל־נָפַת דֹּאר טָפַת
יב בַּת־שְׁלֹמֹה הָיְתָה לּוֹ לְאִשָּׁה׃ בַּעֲנָא בֶּן־אֲחִילוּד
תַּעְנַךְ וּמְגִדּוֹ וְכָל־בֵּית שְׁאָן אֲשֶׁר אֵצֶל צָרְתַנָה מִתַּחַת
לְיִזְרְעֶאל מִבֵּית שְׁאָן עַד אָבֵל מְחוֹלָה עַד מֵעֵבֶר לְיָקְמְעָם׃
יג בֶּן־גֶּבֶר בְּרָמֹת גִּלְעָד לוֹ חַוֺּת יָאִיר בֶּן־מְנַשֶּׁה אֲשֶׁר
בַּגִּלְעָד לוֹ חֶבֶל אַרְגֹּב אֲשֶׁר בַּבָּשָׁן שִׁשִּׁים עָרִים גְּדֹלוֹת
יד חוֹמָה וּבְרִיחַ נְחֹשֶׁת׃ אֲחִינָדָב בֶּן־עִדֹּא מַחֲנָיְמָה׃
טו אֲחִימַעַץ בְּנַפְתָּלִי גַּם־הוּא לָקַח אֶת־בָּשְׂמַת בַּת־
טז שְׁלֹמֹה לְאִשָּׁה׃ בַּעֲנָא בֶּן־חוּשַׁי בְּאָשֵׁר וּבְעָלוֹת׃
יז יח יְהוֹשָׁפָט בֶּן־פָּרוּחַ בְּיִשָּׂשכָר׃ שִׁמְעִי בֶן־
יט אֵלָא בְּבִנְיָמִן׃ גֶּבֶר בֶּן־אֻרִי בְּאֶרֶץ גִּלְעָד אֶרֶץ
סִיחוֹן ׀ מֶלֶךְ הָאֱמֹרִי וְעֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן וּנְצִיב אֶחָד אֲשֶׁר
כ בָּאָרֶץ׃ יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל רַבִּים כַּחוֹל אֲשֶׁר־עַל־הַיָּם לָרֹב
אֹכְלִים וְשֹׁתִים וּשְׂמֵחִים׃

א׳ עד כאן ו׳ פתח בס״פ ז׳ האחד קרי טז׳ קמץ בז״ק

ה

וּשְׁלֹמֹה הָיָה מוֹשֵׁל בְּכָל־הַמַּמְלָכוֹת מִן־הַנָּהָר אֶרֶץ א
פְּלִשְׁתִּים וְעַד גְּבוּל מִצְרָיִם מַגִּשִׁים מִנְחָה וְעֹבְדִים אֶת־
שְׁלֹמֹה כָּל־יְמֵי חַיָּיו׃ וַיְהִי לֶחֶם־שְׁלֹמֹה לְיוֹם אֶחָד ב
שְׁלֹשִׁים כֹּר סֹלֶת וְשִׁשִּׁים כֹּר קָמַח׃ עֲשָׂרָה בָקָר בְּרִאִים ג
וְעֶשְׂרִים בָּקָר רְעִי וּמֵאָה צֹאן לְבַד מֵאַיָּל וּצְבִי וְיַחְמוּר
וּבַרְבֻּרִים אֲבוּסִים׃ כִּי־הוּא רֹדֶה בְּכָל־עֵבֶר הַנָּהָר ד
מִתִּפְסַח וְעַד־עַזָּה בְּכָל־מַלְכֵי עֵבֶר הַנָּהָר וְשָׁלוֹם הָיָה
לוֹ מִכָּל־עֲבָרָיו מִסָּבִיב׃ וַיֵּשֶׁב יְהוּדָה וְיִשְׂרָאֵל לָבֶטַח ה
אִישׁ תַּחַת גַּפְנוֹ וְתַחַת תְּאֵנָתוֹ מִדָּן וְעַד־בְּאֵר שָׁבַע כֹּל
יְמֵי שְׁלֹמֹה׃ וַיְהִי לִשְׁלֹמֹה אַרְבָּעִים אֶלֶף אֻרְוֹת ו
סוּסִים לְמֶרְכָּבוֹ וּשְׁנֵים־עָשָׂר אֶלֶף פָּרָשִׁים׃ וְכִלְכְּלוּ ז
הַנִּצָּבִים הָאֵלֶּה אֶת־הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה וְאֵת כָּל־הַקָּרֵב אֶל־
שֻׁלְחַן הַמֶּלֶךְ־שְׁלֹמֹה אִישׁ חָדְשׁוֹ לֹא יְעַדְּרוּ דָּבָר׃
וְהַשְּׂעֹרִים וְהַתֶּבֶן לַסּוּסִים וְלָרָכֶשׁ יָבִאוּ אֶל־הַמָּקוֹם ח
אֲשֶׁר יִהְיֶה־שָּׁם אִישׁ כְּמִשְׁפָּטוֹ׃ וַיִּתֵּן אֱלֹהִים חָכְמָה ט
לִשְׁלֹמֹה וּתְבוּנָה הַרְבֵּה מְאֹד וְרֹחַב לֵב כַּחוֹל אֲשֶׁר עַל־
שְׂפַת הַיָּם׃ וַתֵּרֶב חָכְמַת שְׁלֹמֹה מֵחָכְמַת כָּל־בְּנֵי־קֶדֶם י
וּמִכֹּל חָכְמַת מִצְרָיִם׃ וַיֶּחְכַּם מִכָּל־הָאָדָם מֵאֵיתָן הָאֶזְרָחִי יא
וְהֵימָן וְכַלְכֹּל וְדַרְדַּע בְּנֵי מָחוֹל וַיְהִי־שְׁמוֹ בְכָל־הַגּוֹיִם
סָבִיב׃ וַיְדַבֵּר שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים מָשָׁל וַיְהִי שִׁירוֹ חֲמִשָּׁה יב
וָאָלֶף׃ וַיְדַבֵּר עַל־הָעֵצִים מִן־הָאֶרֶז אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן וְעַד יג
הָאֵזוֹב אֲשֶׁר יֹצֵא בַּקִּיר וַיְדַבֵּר עַל־הַבְּהֵמָה וְעַל־הָעוֹף
וְעַל־הָרֶמֶשׂ וְעַל־הַדָּגִים׃ וַיָּבֹאוּ מִכָּל־הָעַמִּים לִשְׁמֹעַ אֵת יד
חָכְמַת שְׁלֹמֹה מֵאֵת כָּל־מַלְכֵי הָאָרֶץ אֲשֶׁר שָׁמְעוּ אֶת־
חָכְמָתוֹ׃ וַיִּשְׁלַח חִירָם מֶלֶךְ־צוֹר אֶת־עֲבָדָיו אֶל־ טו
שְׁלֹמֹה כִּי שָׁמַע כִּי אֹתוֹ מָשְׁחוּ לְמֶלֶךְ תַּחַת אָבִיהוּ כִּי
אֹהֵב הָיָה חִירָם לְדָוִד כָּל־הַיָּמִים׃ וַיִּשְׁלַח שְׁלֹמֹה טז

ה 1 און שלמה האָט געוועלטיקט איבער אַלע קיניגרייכן, פון דעם טײַך[א] ביז דעם לאַנד פון די פּלשתּים, און ביז דעם געמאַרק פון מִצרַיִם. זיי האָבן געבראַכט אָפּגאָב, און געדינט דעם מלך שלמה אַלע טעג פון זיין לעבן.

2 און די שפּײַזונג פון שלמהן פאַר איין טאָג איז געווען דרײַסיק כּור זעמלמעל, און זעכציק כּור גראָבע מעל, 3 צען פעטע רינדער, און צוואַנציק רינדער פון דער פּיטער, און הונדערט שאָף, אַחוץ הינדן, און הירשן, און דאַמהירשן, און געשטאָפּטע קאַפּהענער. 4 וואָרום ער האָט געוועלטיקט איבער גאַנץ דער זייט טײַך, פון תּפסח און ביז עַזָה, איבער אַלע מלכים פון דער זייט טײַך; און ער האָט געהאַט שלום פון אַלע זיינע זייטן רונד אַרום. 5 און יהודה און ישׂראל זיינען געזעסן אין זיכערקייט, איטלעכער אונטער זיין ווײַנשטאָק און אונטער זיין פייגנבוים, פון דָן און ביז בּאֵר־שֶׁבַע, אַלע טעג פון שלמהן.

6 און שלמה האָט געהאַט פערציק טויזנט שטאַלן פערד פאַר זיינע רײַטוועגן, און צוועלף טויזנט רײַטער. 7 און יענע געשטעלטע פלעגן אויסהאַלטן דעם מלך שלמה, און איטלעכן וואָס גענענט צום טיש פון מלך שלמה, איטלעכער אין זיין חודש; זיי פלעגן ניט פאַרפעלן קיין זאַך. 8 אויך גערשטן און שטרוי פאַר די פערד און פאַר די יאָגפערד פלעגן זיי ברענגען אין דעם אָרט וווּהין עס האָט געהערט, איטלעכער לויט ווי ער האָט געדאַרפט.

9 און גאָט האָט געגעבן שלמהן חכמה און פאַרשטאַנדיקייט זייער פיל, און ברייטקייט פון גייסט אַזוי ווי דער זאַמד וואָס אויפן ברעג פון ים. 10 און שלמהס חכמה איז געווען גרעסער פון דער חכמה פון אַלע קינדער פון מזרח, און פון אַלדער חכמה פון מִצרַיִם. 11 און ער איז געווען קליגער פון אַלע מענטשן, פון אֵיתָן דעם אֶזרָחי, און הֵימָן, און כַּלכּול, און דַרדַע, די זין פון מָחוֹלן. און ער האָט געהאַט אַ שם צווישן אַלע פעלקער רונד אַרום. 12 און ער האָט געזאָגט דריי טויזנט משלים, און זיינע לידער זיינען געווען טויזנט מיט פינף. 13 און ער האָט גערעדט איבער ביימער, פון דעם צעדער וואָס אין לבנון און ביז דעם אֵזוֹב וואָס וואַקסט אַרויס פון וואַנט. און ער האָט גערעדט איבער בהמות, און איבער פויגלען, און איבער שרצים, און איבער פישן. 14 און פון אַלע אומות איז מען געקומען הערן שלמהס חכמה—פון אַלע מלכים פון דער ערד וואָס האָבן געהערט פון זיין חכמה.

15 און חירם דער מלך פון צור האָט געשיקט זיינע קנעכט צו שלמהן, וואָרום ער האָט געהערט אַז מע האָט אים געזאַלבט פאַר אַ מלך אויף זיין פאָטערס אָרט; ווײַל אַ גוטער פרײַנט איז חירם געווען דודן אַלע טעג.

[א] פּרת.

יז אֶל־חִירָם לֵאמֹר׃ אַתָּה יָדַעְתָּ אֶת־דָּוִד אָבִי כִּי לֹא יָכֹל
לִבְנוֹת בַּיִת לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהָיו מִפְּנֵי הַמִּלְחָמָה אֲשֶׁר
יח סְבָבֻהוּ עַד תֵּת־יְהוָה אֹתָם תַּחַת כַּפּוֹת רַגְלָו׃ וְעַתָּה
הֵנִיחַ יְהוָה אֱלֹהַי לִי מִסָּבִיב אֵין שָׂטָן וְאֵין פֶּגַע רָע׃
יט וְהִנְנִי אֹמֵר לִבְנוֹת בַּיִת לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהָי כַּאֲשֶׁר ׀ דִּבֶּר
יְהוָה אֶל־דָּוִד אָבִי לֵאמֹר בִּנְךָ אֲשֶׁר אֶתֵּן תַּחְתֶּיךָ עַל־
כ כִּסְאֶךָ הוּא־יִבְנֶה הַבַּיִת לִשְׁמִי׃ וְעַתָּה צַוֵּה וְיִכְרְתוּ־לִי
אֲרָזִים מִן־הַלְּבָנוֹן וַעֲבָדַי יִהְיוּ עִם־עֲבָדֶיךָ וּשְׂכַר עֲבָדֶיךָ
אֶתֵּן לְךָ כְּכֹל אֲשֶׁר תֹּאמֵר כִּי ׀ אַתָּה יָדַעְתָּ כִּי אֵין בָּנוּ
כא אִישׁ יֹדֵעַ לִכְרָת־עֵצִים כַּצִּדֹנִים׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ חִירָם
אֶת־דִּבְרֵי שְׁלֹמֹה וַיִּשְׂמַח מְאֹד וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה הַיּוֹם
כב אֲשֶׁר נָתַן לְדָוִד בֵּן חָכָם עַל־הָעָם הָרָב הַזֶּה׃ וַיִּשְׁלַח
חִירָם אֶל־שְׁלֹמֹה לֵאמֹר שָׁמַעְתִּי אֵת אֲשֶׁר־שָׁלַחְתָּ אֵלָי
אֲנִי אֶעֱשֶׂה אֶת־כָּל־חֶפְצְךָ בַּעֲצֵי אֲרָזִים וּבַעֲצֵי בְרוֹשִׁים׃
כג עֲבָדַי יֹרִדוּ מִן־הַלְּבָנוֹן יָמָּה וַאֲנִי אֲשִׂימֵם דֹּבְרוֹת בַּיָּם
עַד־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר־תִּשְׁלַח אֵלַי וְנִפַּצְתִּים שָׁם וְאַתָּה תִשָּׂא
כד וְאַתָּה תַּעֲשֶׂה אֶת־חֶפְצִי לָתֵת לֶחֶם בֵּיתִי׃ וַיְהִי חִירוֹם
כה נֹתֵן לִשְׁלֹמֹה עֲצֵי אֲרָזִים וַעֲצֵי בְרוֹשִׁים כָּל־חֶפְצוֹ׃ וּשְׁלֹמֹה
נָתַן לְחִירָם עֶשְׂרִים אֶלֶף כֹּר חִטִּים מַכֹּלֶת לְבֵיתוֹ
וְעֶשְׂרִים כֹּר שֶׁמֶן כָּתִית כֹּה־יִתֵּן שְׁלֹמֹה לְחִירָם שָׁנָה
כו בְשָׁנָה׃ וַיהוָה נָתַן חָכְמָה לִשְׁלֹמֹה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר־
לוֹ וַיְהִי שָׁלֹם בֵּין חִירָם וּבֵין שְׁלֹמֹה וַיִּכְרְתוּ בְרִית
כז שְׁנֵיהֶם׃ וַיַּעַל הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה מַס מִכָּל־יִשְׂרָאֵל וַיְהִי
כח הַמַּס שְׁלֹשִׁים אֶלֶף אִישׁ׃ וַיִּשְׁלָחֵם לְבָנוֹנָה עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים
בַּחֹדֶשׁ חֲלִיפוֹת חֹדֶשׁ יִהְיוּ בַלְּבָנוֹן שְׁנַיִם חֳדָשִׁים בְּבֵיתוֹ
כט וַאֲדֹנִירָם עַל־הַמַּס׃ וַיְהִי לִשְׁלֹמֹה שִׁבְעִים אֶלֶף נֹשֵׂא
ל סַבָּל וּשְׁמֹנִים אֶלֶף חֹצֵב בָּהָר׃ לְבַד מִשָּׂרֵי הַנִּצָּבִים

יז׳ תלי קדי    כ׳ המ׳ בצרי    כו׳ הפטרת תרומה

16 האָט שלמה געשיקט צו חירָמען, אַזוי צו זאָגן:
17 דו האָסט געקענט מיין פאָטער דודן, אַז ער האָט ניט געקאָנט בויען אַ הויז צו דעם נאָמען פון יהוה זיין גאָט פון וועגן די מלחמות וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, ביז יהוה האָט זיי געגעבן אונטער די טריט פון מיינע פיס. 18 און אַצונד האָט יהוה מיין גאָט מיך באַרוט פון רונד אַרום; ניטאָ קיין שטער און קיין בייז באַגעגעניש. 19 און אָט טראַכט איך צו בויען אַ הויז צו דעם נאָמען פון יהוה מיין גאָט, אַזוי ווי יהוה האָט גערעדט צו מיין פאָטער דודן, אַזוי צו זאָגן: דיין זון וואָס איך וועל געבן אויף דיין טראָן אויף דיין אָרט, ער וועט בויען דאָס הויז צו מיין נאָמען. 20 און אַצונד, באַפעל מע זאָל אויסהאַקן פאַר מיר צעדערן פון לבָנון, און מיינע קנעכט וועלן זיין מיט דיינע קנעכט; און דעם לוין פון דיינע קנעכט וועל איך דיר געבן וויפיל דו וועסט זאָגן: וואָרום דו ווייסט אַז צווישן אונדז איז ניטאָ קיינער וואָס פאַרשטייט צו האַקן האָלצן אַזוי ווי די צידונים.

21 און עס איז געווען, ווי חירָם האָט געהערט די ווערטער פון שלמהן, אַזוי האָט ער זיך זייער דערפרייט, און ער האָט געזאָגט: געלויבט איז יהוה היינט, וואָס ער האָט געגעבן דודן אַ קלוגן זון איבער דעמדאָזיקן גרויסן פאָלק. 22 און חירָם האָט געשיקט צו שלמהן, אַזוי צו זאָגן: איך האָב געהערט וואָס דו האָסט געשיקט צו מיר; איך וועל טאָן אַל דיין פאַרלאַנג אין צעדערהאָלץ און אין ציפּרעסנהאָלץ. 23 מיינע קנעכט וועלן זיי אַראָפּנידערן פון לבָנון צום ים, און איך וועל זיי מאַכן אין פּליטן צו גיין מיטן ים ביז דעם אָרט וואָס דו וועסט מיר אָנווייזן, און דאָרטן וועל איך זיי פאַנאַנדערדרייסן, און דו וועסט זיי אַוועקנעמען. און דו וועסט טאָן מיין פאַרלאַנג צו געבן ברויט פאַר מיין הויז.

24 און חירָם האָט געגעבן שלמהן צעדערהאָלץ און ציפּרעסנהאָלץ לויט אַל זיין פאַרלאַנג. 25 און שלמה האָט גע־געבן חירָמען צוואַנציק טויזנט כּור ווייץ, שפּייז פאַר זיין הויז, און צוואַנציק כּור געשלאָגענע אייל. אַזוי פלעגט שלמה געבן חירָמען יאָר אין יאָר.

26 און גאָט האָט געגעבן שלמהן חכמה אַזוי ווי ער האָט אים צוגעזאָגט. און עס איז געווען שלום צווישן חירָמען און צווישן שלמהן; און זיי האָבן ביידע געשלאָסן אַ בונד.

27 און דער מלך שלמה האָט אויפגענומען אַ צינז פון גאַנץ ישראל, און דער צינז איז געווען דרייסיק טויזנט מאַן. 28 און ער האָט זיי געשיקט אויפן לבָנון צו צען טויזנט מאַן אין אַ חודש, געביטן: איין חודש פלעגן זיי זיין אויפן לבָנון צוויי חדשים אין דער היים. און אַדונירָם איז געווען איבער דעם צינז.

29 און שלמה האָט געהאַט זיבעציק טויזנט לאַסטטרעגער, און אַכציק טויזנט שטיינהעקער אין די בערג. 30 אַחוץ

לְשְׁלֹמֹה אֲשֶׁר עַל־הַמְּלָאכָה שְׁלֹשֶׁת אֲלָפִים וּשְׁלֹשׁ מֵאוֹת
הָרֹדִים בָּעָם הָעֹשִׂים בַּמְּלָאכָה׃ וַיְצַו הַמֶּלֶךְ וַיַּסִּעוּ אֲבָנִים לא
גְּדֹלוֹת אֲבָנִים יְקָרוֹת לְיַסֵּד הַבָּיִת אַבְנֵי גָזִית׃ וַיִּפְסְלוּ לב
בֹּנֵי שְׁלֹמֹה וּבֹנֵי חִירוֹם וְהַגִּבְלִים וַיָּכִינוּ הָעֵצִים וְהָאֲבָנִים
לִבְנוֹת הַבָּיִת׃

ו

וַיְהִי בִשְׁמוֹנִים שָׁנָה וְאַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה לְצֵאת בְּנֵי־ א
יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ־מִצְרַיִם בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית בְּחֹדֶשׁ זִו הוּא
הַחֹדֶשׁ הַשֵּׁנִי לִמְלֹךְ שְׁלֹמֹה עַל־יִשְׂרָאֵל וַיִּבֶן הַבַּיִת לַיהוָה׃
וְהַבַּיִת אֲשֶׁר בָּנָה הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה לַיהוָה שִׁשִּׁים־אַמָּה ב
אָרְכּוֹ וְעֶשְׂרִים רָחְבּוֹ וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה קוֹמָתוֹ׃ וְהָאוּלָם עַל־ ג
פְּנֵי הֵיכַל הַבַּיִת עֶשְׂרִים אַמָּה אָרְכּוֹ עַל־פְּנֵי רֹחַב הַבָּיִת
עֶשֶׂר בָּאַמָּה רָחְבּוֹ עַל־פְּנֵי הַבָּיִת׃ וַיַּעַשׂ לַבָּיִת חַלּוֹנֵי ד
שְׁקֻפִים אֲטֻמִים׃ וַיִּבֶן עַל־קִיר הַבַּיִת יָצוֹעַ סָבִיב אֶת־ ה
קִירוֹת הַבַּיִת סָבִיב לַהֵיכָל וְלַדְּבִיר וַיַּעַשׂ צְלָעוֹת סָבִיב׃
הַיָּצִיעַ הַתַּחְתֹּנָה חָמֵשׁ בָּאַמָּה רָחְבָּהּ וְהַתִּיכֹנָה שֵׁשׁ ו
בָּאַמָּה רָחְבָּהּ וְהַשְּׁלִישִׁית שֶׁבַע בָּאַמָּה רָחְבָּהּ כִּי מִגְרָעוֹת
נָתַן לַבַּיִת סָבִיב חוּצָה לְבִלְתִּי אֲחֹז בְּקִירוֹת הַבָּיִת׃
וְהַבַּיִת בְּהִבָּנֹתוֹ אֶבֶן־שְׁלֵמָה מַסָּע נִבְנָה וּמַקָּבוֹת וְהַגַּרְזֶן ז
כָּל־כְּלִי בַרְזֶל לֹא־נִשְׁמַע בַּבַּיִת בְּהִבָּנֹתוֹ׃ פֶּתַח הַצֵּלָע ח
הַתִּיכֹנָה אֶל־כֶּתֶף הַבַּיִת הַיְמָנִית וּבְלוּלִּים יַעֲלוּ עַל־
הַתִּיכֹנָה וּמִן־הַתִּיכֹנָה אֶל־הַשְּׁלִשִׁים׃ וַיִּבֶן אֶת־הַבַּיִת ט
וַיְכַלֵּהוּ וַיִּסְפֹּן אֶת־הַבַּיִת גֵּבִים וּשְׂדֵרֹת בָּאֲרָזִים׃ וַיִּבֶן י
אֶת־הַיָּצִיעַ עַל־כָּל־הַבַּיִת חָמֵשׁ אַמּוֹת קוֹמָתוֹ וַיֶּאֱחֹז אֶת־
הַבַּיִת בַּעֲצֵי אֲרָזִים׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־שְׁלֹמֹה יא
לֵאמֹר׃ הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר־אַתָּה בֹנֶה אִם־תֵּלֵךְ בְּחֻקֹּתַי יב
וְאֶת־מִשְׁפָּטַי תַּעֲשֶׂה וְשָׁמַרְתָּ אֶת־כָּל־מִצְוֹתַי לָלֶכֶת בָּהֶם

ה׳ לא. קמץ בטרחא ו, ד׳ קמץ בז״ק ה׳ יציע ק׳ ו׳ י׳ היציע כן כתיב וקרי
ח׳ דגש אחר שורק ובס״א בלי דגש

שלמהס איבערגעשטעלטע וואָס איבער דער אַרבעט, דריי טויזנט און דריי הונדערט, וואָס האָבן געוועלטיקט איבער דעם פאָלק וואָס טוט די אַרבעט.

[31] און דער מלך האָט באַפוילן, און מע האָט אויסגעבראָכן גרויסע שטיינער, טייערע שטיינער, צו גרונטפעסטן דאָס הויז מיט געהאַקטע שטיינער. [32] און די בוימייַנסטערס פון שלמהן און די בוימייַנסטערס פון חירָמען און די גבלער האָבן זיי אַרומגעהאַקט, און האָבן צוגעגרייט די האָלצן און די שטיינער אויף צו בויען דאָס הויז.

ו

[1] און עס איז געווען, אין פיר הונדערט און אַכציקסטן יאָר נאָכדעם ווי די קינדער פון ישראל זיינען אַרויסגעגאַנגען פון לאַנד מִצרַיִם, אין פירטן יאָר פון שלמהס מלוכה איבער ישראל, אין חודש זיו–דאָס איז דער צווייטער חודש–האָט ער אָנגעהויבן בויען דאָס הויז צו גאָט.

[2] און דאָס הויז וואָס שלמה המלך האָט געבויט צו גאָט, איז געווען זעכציק איילן זיין לענג, און צוואַנציק איילן זיין ברייט, און דרייסיק איילן זיין הייך. [3] און דער פאָליש פאַר דעם הֵיכל פון הויז איז געווען צוואַנציק איילן זיין לענג, פאַר ברייט פון דעם הויז, צען איילן זיין ברייט פאַר [לענג פון] דעם הויז. [4] און ער האָט געמאַכט אין הויז פענצטער אינעווייניק ברייט און אויסנווייניק שמאָל. [5] און ער האָט געבויט אָן דער וואַנט פון הויז אַן אָנבוי, רונד אַרום די ווענט פון הויז, רונד אַרום דעם הֵיכל און דעם דביר[א]; און ער האָט געמאַכט זייטקאַמערן רונד אַרום. [6] דער אונטערשטער [שטאָק פון דעם] אָנבוי, איז פינף איילן געווען זיין ברייט, און דער מיטלסטער, זעקס איילן זיין ברייט, און דער דריטער, זיבן איילן זיין ברייט, וואָרום פאַרמינערונגען האָט ער געמאַכט אין דעם הויז צו דערויסן צו רונד אַרום, כדי [די באַלקנס] זאָלן זיך ניט דאַרפן האַלטן אין די ווענט פון הויז.– [7][ב] און דאָס הויז ווען עס איז געבויט געוואָרן, איז געבויט געוואָרן פון שטיינער פאַרטיק געמאַכט ביים אַרויסהאַקן; און קיין האַמערס און קיין האַק, קיין שום אַייזנגעצייג, איז ניט געהערט געוואָרן אין דעם הויז, ווען עס איז געבויט געוואָרן.– [8] דער אַיינגאַנג צו די אונטערשטע[ג] זייטקאַמערן איז געווען אויף דער רעכטער זייט פון הויז, און אויף שווינדלטרעפּ איז מען אַרויפגעגאַנגען צו די מיטלסטע, און פון די מיטלסטע צו די דריטע.

[9] און ער האָט אויסגעבויט דאָס הויז, און האָט עס פאַרענדיקט; און ער האָט באַדעקט דאָס הויז מיט באַלקנס און ברעטער פון צעדערן. [10] און ער האָט געבויט דעם אָנבוי אָן דעם גאַנצן הויז, פינף איילן די הייך [פון איטלעכן שטאָק]; און עס האָט זיך געהאַלטן אָן הויז אויף צעדערהאָלץ.

[11] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו שלמהן, אַזוי צו זאָגן: [12] דאָסדאָזיקע הויז וואָס דו בויסט–אויב דו וועסט גיין אין מיינע חוקים, און מיינע געזעצן וועסטו טאָן, און וועסט היטן אַלע מיינע געבאָט צו גיין אין זיי, וועל איך מקיים

[א] דער הינטערשטער אָדער אינעווייניקסטער און הייליקסטער טייל, דער קָדשי־קָדשים. [ב] פאַרבינדט זיך מיט פסוקים 31–32 פון פאָריקן קאַפּיטל. [ג] אין טעקסט: הַתִּיכֹנָה.

וַהֲקִמֹתִי אֶת־דְּבָרִי אִתָּךְ אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי אֶל־דָּוִד אָבִיךָ׃
יג וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹךְ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְלֹא אֶעֱזֹב אֶת־עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃
יד וַיִּבֶן שְׁלֹמֹה אֶת־הַבַּיִת וַיְכַלֵּהוּ׃ וַיִּבֶן אֶת־
טו קִירוֹת הַבַּיִת מִבַּיְתָה בְּצַלְעוֹת אֲרָזִים מִקַּרְקַע הַבַּיִת עַד־
קִירוֹת הַסִּפֻּן צִפָּה עֵץ מִבָּיִת וַיְצַף אֶת־קַרְקַע הַבַּיִת
טז בְּצַלְעוֹת בְּרוֹשִׁים׃ וַיִּבֶן אֶת־עֶשְׂרִים אַמָּה מִיַּרְכּוֹתֵי הַבַּיִת
בְּצַלְעוֹת אֲרָזִים מִן־הַקַּרְקַע עַד־הַקִּירוֹת וַיִּבֶן לוֹ מִבַּיִת
יז לִדְבִיר לְקֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים׃ וְאַרְבָּעִים בָּאַמָּה הָיָה הַבָּיִת
יח הוּא הַהֵיכָל לִפְנָי׃ וְאֶרֶז אֶל־הַבַּיִת פְּנִימָה מִקְלַעַת
יט פְּקָעִים וּפְטוּרֵי צִצִּים הַכֹּל אֶרֶז אֵין אֶבֶן נִרְאָה׃ וּדְבִיר
בְּתוֹךְ־הַבַּיִת מִפְּנִימָה הֵכִין לְתִתֵּן שָׁם אֶת־אֲרוֹן בְּרִית
כ יְהוָה׃ וְלִפְנֵי הַדְּבִיר עֶשְׂרִים אַמָּה אֹרֶךְ וְעֶשְׂרִים אַמָּה
רֹחַב וְעֶשְׂרִים אַמָּה קוֹמָתוֹ וַיְצַפֵּהוּ זָהָב סָגוּר וַיְצַף מִזְבֵּחַ
כא אָרֶז׃ וַיְצַף שְׁלֹמֹה אֶת־הַבַּיִת מִפְּנִימָה זָהָב סָגוּר וַיְעַבֵּר
כב בְּרַתִּיקוֹת זָהָב לִפְנֵי הַדְּבִיר וַיְצַפֵּהוּ זָהָב׃ וְאֶת־כָּל־
הַבַּיִת צִפָּה זָהָב עַד־תֹּם כָּל־הַבָּיִת וְכָל־הַמִּזְבֵּחַ אֲשֶׁר־
כג לַדְּבִיר צִפָּה זָהָב׃ וַיַּעַשׂ בַּדְּבִיר שְׁנֵי כְרוּבִים עֲצֵי־שָׁמֶן
כד עֶשֶׂר אַמּוֹת קוֹמָתוֹ׃ וְחָמֵשׁ אַמּוֹת כְּנַף הַכְּרוּב הָאֶחָת
וְחָמֵשׁ אַמּוֹת כְּנַף הַכְּרוּב הַשֵּׁנִית עֶשֶׂר אַמּוֹת מִקְצוֹת
כה כְּנָפָיו וְעַד־קְצוֹת כְּנָפָיו׃ וְעֶשֶׂר בָּאַמָּה הַכְּרוּב הַשֵּׁנִי
כו מִדָּה אַחַת וְקֶצֶב אֶחָד לִשְׁנֵי הַכְּרֻבִים׃ קוֹמַת הַכְּרוּב
כז הָאֶחָד עֶשֶׂר בָּאַמָּה וְכֵן הַכְּרוּב הַשֵּׁנִי׃ וַיִּתֵּן אֶת־הַכְּרוּבִים
בְּתוֹךְ ׀ הַבַּיִת הַפְּנִימִי וַיִּפְרְשׂוּ אֶת־כַּנְפֵי הַכְּרֻבִים וַתִּגַּע
כְּנַף־הָאֶחָד בַּקִּיר וּכְנַף הַכְּרוּב הַשֵּׁנִי נֹגַעַת בַּקִּיר הַשֵּׁנִי
כח וְכַנְפֵיהֶם אֶל־תּוֹךְ הַבַּיִת נֹגְעֹת כָּנָף אֶל־כָּנָף׃ וַיְצַף אֶת־
כט הַכְּרוּבִים זָהָב׃ וְאֵת כָּל־קִירוֹת הַבַּיִת מֵסַב ׀ קָלַע פִּתּוּחֵי
מִקְלְעוֹת כְּרוּבִים וְתִמֹרֹת וּפְטוּרֵי צִצִּים מִלִּפְנִים וְלַחִיצוֹן׃

יג׳ עכ   טז׳ יהוד ר   כא׳ בחוקת קי

זיין אויף דיר מיין צוזאָג וואָס איך האָב צוגעזאָגט דיין פֿאָטער דודן. [13] און איך וועל רוען צווישן די קינדער פֿון ישׂראל, און וועל ניט פֿאַרלאָזן מיין פֿאָלק ישׂראל.

[14] אַזוי האָט שלמה אויפֿגעבויט דאָס הויז, און האָט עס פֿאַרענדיקט. [15] און ער האָט געבויט די ווענט פֿון דעם הויז אינעווייניק מיט ברעטער פֿון צעדערן; פֿון באָדעם פֿון הויז ביז די באַלקנס פֿון סופיט האָט ער באַדעקט מיט האָלץ פֿון אינעווייניק; און ער האָט באַדעקט דעם באָדעם פֿון הויז מיט ברעטער פֿון ציפּרעסן. [16] און ער האָט געבויט צוואַנציק איילן פֿון דעם הינטערשטן טייל פֿון הויז מיט ברעטער פֿון צעדערן, פֿון באָדעם ביז די באַלקנס; און ער האָט עס זיך געבויט פֿון אינעווייניק, פֿאַר אַ דביר, פֿאַר אַ קָדשי־קָדשים. [17] און פֿערציק איילן [לאַנג] איז געווען דאָס הויז, דאָס איז דער היכל פֿון פֿאָרנט. [18] און דאָס צעדערהאָלץ אויפֿן הויז אינעווייניק איז געווען אַ געשניץ פֿון קנעפּ און געעפֿנטע קווייטן. אַלץ איז געווען צעדער, קיין שטיין האָט זיך ניט אַרויסגעזען. [19] און דעם דביר אינעווייניק אין הויז האָט ער צוגעגרייט אויף אַריינשטעלן אַהין דעם אָרון פֿון גאָטס בונד. [20] און אינעווייניק פֿון דביר איז געווען צוואַנציק איילן די לענג, און צוואַנציק איילן די ברייט, און צוואַנציק איילן איז געווען זיין הייך; און ער האָט אים איבערגעצויגן מיט עכטן גאָלד. און ער האָט באַדעקט דעם מזבח מיט צעדערהאָלץ. [21] אַזוי האָט שלמה איבערגעצויגן דאָס הויז[א] פֿון אינעווייניק מיט עכטן גאָלד; און ער האָט פֿאַרצויגן גילדערנע קייטן פֿאַר דעם דביר; און ער האָט עס איבערגעצויגן מיט גאָלד. [22] און דאָס גאַנצע הויז האָט ער איבערגעצויגן מיט גאָלד, ביז דאָס גאַנצע הויז איז געווען געענדיקט; אויך דעם גאַנצן מזבח וואָס ביים דביר האָט ער איבערגעצויגן מיט גאָלד.

[23] און ער האָט געמאַכט אין דביר צוויי כּרובים פֿון איילבוימהאָלץ, צען איילן די הייך פֿון איטלעכן. [24] און פֿינף איילן איז געווען איין פֿליגל פֿון אַ כּרוב, און פֿינף איילן דער צווייטער פֿליגל פֿון אַ כּרוב; צען איילן פֿון איין עק פֿון זיינע פֿליגלען ביזן אַנדער עק פֿון זיינע פֿליגלען. [25] צען איילן איז אויך געווען דער צווייטער כּרוב; איין מאָס און איין שניט ביי ביידע כּרובים; [26] די הייך פֿון איין כּרוב צען איילן, און דעסגליכן פֿון צווייטן כּרוב. [27] און ער האָט אַריינגעשטעלט די כּרובים אין דעם אינעווייניקסטן הויז. און מע האָט געמאַכט די פֿליגלען פֿון די כּרובים אויסגעשפּרייט, און דער פֿליגל פֿון איינעם האָט אָנגערירט איין וואַנט, און דער פֿליגל פֿון צווייטן כּרוב האָט אָנגערירט די צווייטע וואַנט; און זייערע פֿליגלען האָבן זיך אָנגערירט אין מיטן הויז אַ פֿליגל אָן אַ פֿליגל. [28] און ער האָט איבערגעצויגן די כּרובים מיט גאָלד.

[29] און אַלע ווענט פֿון דעם הויז רונד אַרום האָט ער אויסגעשניצט מיט געשניצן פֿון כּרובים און טייטלביימער און

[א] ד. ה. דעם קָדשי־קָדשים.

וְאֶת־קַרְקַע הַבַּיִת צִפָּה זָהָב לִפְנִימָה וְלַחִיצוֹן׃ וְאֵת פֶּתַח ל לא
הַדְּבִיר עָשָׂה דַּלְתוֹת עֲצֵי־שָׁמֶן הָאַיִל מְזוּזוֹת חֲמִשִׁית׃
וּשְׁתֵּי דַּלְתוֹת עֲצֵי־שֶׁמֶן וְקָלַע עֲלֵיהֶם מִקְלְעוֹת כְּרוּבִים לב
וְתִמֹרוֹת וּפְטוּרֵי צִצִּים וְצִפָּה זָהָב וַיָּרֶד עַל־הַכְּרוּבִים וְעַל־
הַתִּמֹרוֹת אֶת־הַזָּהָב׃ וְכֵן עָשָׂה לְפֶתַח הַהֵיכָל מְזוּזוֹת לג
עֲצֵי־שָׁמֶן מֵאֵת רְבִעִית׃ וּשְׁתֵּי דַלְתוֹת עֲצֵי בְרוֹשִׁים שְׁנֵי לד
צְלָעִים הַדֶּלֶת הָאַחַת גְּלִילִים וּשְׁנֵי קְלָעִים הַדֶּלֶת הַשֵּׁנִית
גְּלִילִים׃ וְקָלַע כְּרוּבִים וְתִמֹרוֹת וּפְטֻרֵי צִצִּים וְצִפָּה זָהָב לה
מְיֻשָּׁר עַל־הַמְּחֻקֶּה׃ וַיִּבֶן אֶת־הֶחָצֵר הַפְּנִימִית שְׁלֹשָׁה לו
טוּרֵי גָזִית וְטוּר כְּרֻתֹת אֲרָזִים׃ בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית יֻסַּד בֵּית לז
יְהוָה בְּיֶרַח זִו׃ וּבַשָּׁנָה הָאַחַת עֶשְׂרֵה בְּיֶרַח בּוּל הוּא לח
הַחֹדֶשׁ הַשְּׁמִינִי כָּלָה הַבַּיִת לְכָל־דְּבָרָיו וּלְכָל־מִשְׁפָּטָו
וַיִּבְנֵהוּ שֶׁבַע שָׁנִים׃

ז

וְאֶת־בֵּיתוֹ בָּנָה שְׁלֹמֹה שְׁלֹשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה וַיְכַל אֶת־כָּל־ א
בֵּיתוֹ׃ וַיִּבֶן אֶת־בֵּית ׀ יַעַר הַלְּבָנוֹן מֵאָה אַמָּה אָרְכּוֹ ב
וַחֲמִשִּׁים אַמָּה רָחְבּוֹ וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה קוֹמָתוֹ עַל אַרְבָּעָה
טוּרֵי עַמּוּדֵי אֲרָזִים וּכְרֻתוֹת אֲרָזִים עַל־הָעַמּוּדִים׃ וְסָפֻן ג
בָּאֶרֶז מִמַּעַל עַל־הַצְּלָעֹת אֲשֶׁר עַל־הָעַמּוּדִים אַרְבָּעִים
וַחֲמִשָּׁה חֲמִשָּׁה עָשָׂר הַטּוּר׃ וּשְׁקֻפִים שְׁלֹשָׁה טוּרִים ד
וּמֶחֱזָה אֶל־מֶחֱזָה שָׁלֹשׁ פְּעָמִים׃ וְכָל־הַפְּתָחִים וְהַמְּזוּזֹת ה
רְבֻעִים שָׁקֶף וּמוּל מֶחֱזָה אֶל־מֶחֱזָה שָׁלֹשׁ פְּעָמִים׃ וְאֵת ו
אוּלָם הָעַמּוּדִים עָשָׂה חֲמִשִּׁים אַמָּה אָרְכּוֹ וּשְׁלֹשִׁים אַמָּה
רָחְבּוֹ וְאוּלָם עַל־פְּנֵיהֶם וְעַמֻּדִים וְעָב עַל־פְּנֵיהֶם׃ וְאוּלָם ז
הַכִּסֵּא אֲשֶׁר יִשְׁפָּט־שָׁם אֻלָם הַמִּשְׁפָּט עָשָׂה וְסָפוּן בָּאֶרֶז
מֵהַקַּרְקַע עַד־הַקַּרְקָע׃ וּבֵיתוֹ אֲשֶׁר־יֵשֶׁב שָׁם חָצֵר ח
הָאַחֶרֶת מִבֵּית לָאוּלָם כַּמַּעֲשֶׂה הַזֶּה הָיָה וּבַיִת יַעֲשֶׂה

ו, לח׳ משפטיו ק׳

געעפנטע קווייטן, פון אינעווייניק און אויסנווייניק. [30] און דעם דיל פון הויז האָט ער איבערגעצויגן מיט גאָלד, אינעווייניק און אויסנווייניק. [31] און פאַר דעם אַיינגאַנג פון דביר האָט ער געמאַכט טירן פון איילבוימהאָלץ; דער טירגעשטעל מיט די בײַשטידלעך איז אויסגעקומען פינפ־עקעכדיק. [32] און אויף די צוויי טירן פון איילבוימהאָלץ האָט ער אויסגעשניצט געשניצן פון כרובים און טײַטל־ביימער און געעפנטע קווייטן, און איבערגעצויגן מיט גאָלד; און ער האָט אויסגעקלאַפּט דאָס גאָלד אויף די כרובים און אויף די טײַטלביימער. [33] און דעסגלייכן האָט ער געמאַכט פאַר דעם אַיינגאַנג פון היכל, בײַ־שטידלעך פון איילבוימהאָלץ, פירעקעכדיק; [34] און צוויי טירן פון ציפּרעסנהאָלץ; די צוויי פליגלען פון איין טיר האָבן זיך צונויפגעלייגט, און די צוויי פליגלען פון דער אַנדער טיר האָבן זיך צונויפגעלייגט. [35] און ער האָט אויסגעשניצט כרובים און טײַטלביימער און געעפנטע קווייטן, און האָט איבערגעצויגן מיט גאָלד אַרויפגעפּאַסט אויפן אַיינגעשניצטן.

[36] און ער האָט געבויט דעם אינעווייניקסטן הויף פון דריי ציילן געהאַקטע שטיינער, און אַ צייל צעדער־באַלקנס.

[37] אין פירטן יאָר איז געלייגט געוואָרן דער גרונט־פעסט פון גאָטס הויז, אין מאָנאַט זיו. [38] און אין עלפטן יאָר, אין מאָנאַט בול—דאָס איז דער אַכטער חודש—איז געענדיקט געוואָרן דאָס הויז אין אַלע זיינע טיילן, און לויט אַלץ ווי עס האָט באַדאַרפט צו זיין. און ער האָט עס געבויט זיבן יאָר.

ז

[1] און זיין אייגן הויז האָט שלמה געבויט דרייצן יאָר, ביז ער האָט פאַרענדיקט זיין גאַנץ הויז.

[2] און ער האָט געבויט דאָס הויז פון לבָנוֹן־וואַלד, הונדערט איילן זיין לענג, און פופציק איילן זיין ברייט, און דרײַסיק איילן זיין הייך, אויף פיר ציילן צעדערזיילן, מיט צעדערבאַלקנס אויף די זיילן. [3] און עס איז געווען באַדעקט מיט צעדערהאָלץ פון אויבן, איבער די זייטקאַמערן וואָס אויף די פינף און פערציק זיילן, פופצן אין אַ צייל. [4] און באַלקנס זיינען געווען דריי ציילן; און אַ דורכבליק קעגן אַ דורכבליק דריי מאָל. [5] און אַלע טירן מיט די בײַ־שטידלעך זיינען געווען פירעקעכדיק אין געשטעל; און אַ דורכבליק קעגן אַ דורכבליק דריי מאָל.

[6] און דאָס פאָדערהויז פון זיילן האָט ער געמאַכט: פופציק איילן זיין לענג, און דרײַסיק איילן זיין ברייט, מיט אַ פירהויז פאַר זיי, מיט זיילן און אַ באַלקנדעכל פאַר זיי.

[7] און ער האָט געמאַכט דאָס פאָדערהויז פון טראָן וואָס ער זאָל דאָרטן משפּטן, דאָס פאָדערהויז פון משפט; און עס איז געווען באַדעקט מיט צעדערהאָלץ פון באָדעם ביז באָדעם.

[8] און זיין הויז וואָס ער איז דאָרטן געזעסן, אין אַן אַנדער הויף, אינעווייניקצו פון פאָדערהויז, איז געווען פון דער

אייגענער אַרבעט. ער האָט אויך געמאַכט אַ הויז פאַר
פַּרעהס טאָכטער וואָס שלמה האָט גענומען, אַזוי ווי דאָס־
דאָזיקע פאָדערהויז.

[9] דאָס אַלץ איז געווען פון טייערע שטיינער, לויט
די מאָסן פון געהאַקטע שטיינער, אַרומגעזעגט מיט אַ זעג
פון אינעווייניק און פון אויסנווייניק; און פון גרונטפעסט
ביזן געזימס, און דרויסן ביזן גרויסן הויף. [10] און עס איז
געווען געגרונטפעסט מיט טייערע שטיינער, גרויסע
שטיינער, שטיינער פון צען איילן, און שטיינער פון אַכט
איילן. [11] און פון אויבן זיינען געווען טייערע שטיינער,
לויט די מאָסן פון געהאַקטע שטיינער, און צעדערהאָלץ.
[12] און דער גרויסער הויף רונד אַרום איז געווען פון דריי
צייַלן געהאַקטע שטיינער, און אַ צייַל צעדערבאַלקנס;
דעסגלייכן פאַר דעם אינעווייניקסטן הויף פון גאָטס הויז,
און פאַר דעם פּאָליש פון הויז.

[13] און דער מלך שלמה האָט געשיקט און האָט גע־
נומען חירָמען פון צור. [14] ער איז געווען דער זון פון אַ
פרוי אַן אַלמנה, פון שבט נפתלי, און זיין פאָטער איז גע־
ווען אַ מאַן פון צור, אַ קופּערשמיד; און ער איז געווען
פול מיט חכמה און פאַרשטאַנדיקייט און קענשאַפט צו
מאַכן אַלערליי אַרבעט אין קופּער, און ער איז געקומען
צום מלך שלמה, און האָט געמאַכט זיין גאַנצע אַרבעט.

[15] און ער האָט אויסגעפורעמט די צוויי זיילן פון קופּער; אַכצן איילן איז געווען די הייך פון איין זייל, און
אַ פאָדים פון צוועלף איילן האָט [אים] אַרומגערינגלט; [און אַזוי] דער צווייטער זייל. [16] און צוויי קרוינען האָט
ער געמאַכט אַרויפצוטאָן אויף די קעפּ פון די זיילן, אויסגעגאָסן פון קופּער; פינף איילן די הייך פון איין קרוין, און
פינף איילן די הייך פון דער צווייטער קרוין; [17] מיט נעצן פון פלעכטאַרבעט, שנורן פון געקייטלטער אַרבעט, פאַר
די קרוינען וואָס אויף די קעפּ פון די זיילן; זיבן פאַר איין קרוין, און זיבן פאַר דער צווייטער קרוין. [18] אַזוי האָט ער
געמאַכט די זיילן; און צוויי צייַלן רונד אַרום אויף איין נעץ צו באַדעקן די קרוינען וואָס אויבן איבער די מילגרוימען;
און אַזוי האָט ער געמאַכט פאַר דער צווייטער קרוין. [19] און די קרוינען וואָס אויף די קעפּ פון די זיילן אין דעם פּאָליש
זיינען געווען פון ליליענאַרבעט, פיר איילן. [20] און די קרוינען אויף די צוויי זיילן זיינען אויך געווען פון אויבן אַקעגן
דעם בויך וואָס צו דער זייט פון דער נעץ. און די מילגרוימען זיינען געווען צוויי הונדערט, אין צייַלן רונד
אַרום אויף דער צווייטער קרוין. [21] און ער האָט אויפגעשטעלט די זיילן ביים פּאָליש פון היכל; און ער האָט
אויפגעשטעלט דעם רעכטן זייל, און גערופן זיין נאָמען יָכין; און ער האָט אויפגעשטעלט דעם לינקן זייל, און גערופן זיין

ט לְבַת־פַּרְעֹה אֲשֶׁר לָקַח שְׁלֹמֹה כָּאוּלָם הַזֶּה׃ כָּל־אֵלֶּה
אֲבָנִים יְקָרֹת כְּמִדֹּת גָּזִית מְגֹרָרוֹת בַּמְּגֵרָה מִבַּיִת וּמִחוּץ
וּמִמַּסָּד עַד־הַטְּפָחוֹת וּמִחוּץ עַד־הֶחָצֵר הַגְּדוֹלָה׃
י וּמְיֻסָּד אֲבָנִים יְקָרוֹת אֲבָנִים גְּדֹלוֹת אַבְנֵי עֶשֶׂר אַמּוֹת
יא וְאַבְנֵי שְׁמֹנֶה אַמּוֹת׃ וּמִלְמַעְלָה אֲבָנִים יְקָרוֹת כְּמִדּוֹת
יב גָּזִית וָאָרֶז׃ וְחָצֵר הַגְּדוֹלָה סָבִיב שְׁלֹשָׁה טוּרִים גָּזִית
וְטוּר כְּרֻתֹת אֲרָזִים וְלַחֲצַר בֵּית־יְהוָה הַפְּנִימִית וּלְאֻלָם
יג הַבָּיִת׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה וַיִּקַּח אֶת־חִירָם
יד מִצֹּר׃ בֶּן־אִשָּׁה אַלְמָנָה הוּא מִמַּטֵּה נַפְתָּלִי וְאָבִיו אִישׁ־
צֹרִי חֹרֵשׁ נְחֹשֶׁת וַיִּמָּלֵא אֶת־הַחָכְמָה וְאֶת־הַתְּבוּנָה
וְאֶת־הַדַּעַת לַעֲשׂוֹת כָּל־מְלָאכָה בַּנְּחֹשֶׁת וַיָּבוֹא אֶל־
טו הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה וַיַּעַשׂ אֶת־כָּל־מְלַאכְתּוֹ׃ וַיָּצַר אֶת־שְׁנֵי
הָעַמּוּדִים נְחֹשֶׁת שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה אַמָּה קוֹמַת הָעַמּוּד
הָאֶחָד וְחוּט שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה אַמָּה יָסֹב אֶת־הָעַמּוּד הַשֵּׁנִי׃
טז וּשְׁתֵּי כֹתָרֹת עָשָׂה לָתֵת עַל־רָאשֵׁי הָעַמּוּדִים מֻצַק
נְחֹשֶׁת חָמֵשׁ אַמּוֹת קוֹמַת הַכֹּתֶרֶת הָאֶחָת וְחָמֵשׁ אַמּוֹת
יז קוֹמַת הַכֹּתֶרֶת הַשֵּׁנִית׃ שְׂבָכִים מַעֲשֵׂה שְׂבָכָה גְּדִלִים
מַעֲשֵׂה שַׁרְשְׁרוֹת לַכֹּתָרֹת אֲשֶׁר עַל־רֹאשׁ הָעַמּוּדִים שִׁבְעָה
יח לַכֹּתֶרֶת הָאֶחָת וְשִׁבְעָה לַכֹּתֶרֶת הַשֵּׁנִית׃ וַיַּעַשׂ אֶת־
הָעַמּוּדִים וּשְׁנֵי טוּרִים סָבִיב עַל־הַשְּׂבָכָה הָאֶחָת לְכַסּוֹת
אֶת־הַכֹּתָרֹת אֲשֶׁר עַל־רֹאשׁ הָרִמֹּנִים וְכֵן עָשָׂה לַכֹּתֶרֶת
יט הַשֵּׁנִית׃ וְכֹתָרֹת אֲשֶׁר עַל־רֹאשׁ הָעַמּוּדִים מַעֲשֵׂה שׁוּשַׁן
כ בָּאוּלָם אַרְבַּע אַמּוֹת׃ וְכֹתָרֹת עַל־שְׁנֵי הָעַמּוּדִים גַּם־
מִמַּעַל מִלְּעֻמַּת הַבֶּטֶן אֲשֶׁר לְעֵבֶר ׳שבכה וְהָרִמּוֹנִים
כא מָאתַיִם טֻרִים סָבִיב עַל הַכֹּתֶרֶת הַשֵּׁנִית׃ וַיָּקֶם אֶת־
הָעַמֻּדִים לְאֻלָם הַהֵיכָל וַיָּקֶם אֶת־הָעַמּוּד הַיְמָנִי וַיִּקְרָא
אֶת־שְׁמוֹ יָכִין וַיָּקֶם אֶת־הָעַמּוּד הַשְּׂמָאלִי וַיִּקְרָא אֶת־

יג׳ הפטרת ויקהל כמנהג ספרדים   יח׳ קמץ ברביע   כ׳ השבכה ק

שמו בעז: ועל ראש העמודים מעשה שושן ותתם כב
מלאכת העמודים: ויעש את־הים מוצק עשר כג
באמה משפתו עד־שפתו עגל | סביב וחמש באמה
קומתו וקוה שלשים באמה יסב אתו סביב: ופקעים כד
מתחת לשפתו | סביב סבבים אתו עשר באמה מקפים
את־הים סביב שני טורים הפקעים יצקים ביצקתו:
עמד על־שני עשר בקר שלשה פנים | צפונה ושלשה כה
פנים | ימה ושלשה | פנים נגבה ושלשה פנים מזרחה
והים עליהם מלמעלה וכל־אחריהם ביתה: ועביו טפח כו
ושפתו כמעשה שפת־כוס פרח שושן אלפים בת יכיל:
ויעש את־המכנות עשר נחשת ארבע באמה כז
ארך המכונה האחת וארבע באמה רחבה ושלש באמה
קומתה: וזה מעשה המכונה מסגרת להם ומסגרת כח
בין השלבים: ועל־המסגרות אשר | בין השלבים אריות | כט
בקר וכרובים ועל־השלבים כן ממעל ומתחת לאריות
ולבקר לית מעשה מורד: וארבעה אופני נחשת ל
למכונה האחת וסרני נחשת וארבעה פעמתיו כתפת
להם מתחת לכיר הכתפות יצקות מעבר איש לית:
ופיהו מבית לכתרת ומעלה באמה ופיה עגל מעשה־ לא
כן אמה וחצי האמה וגם־על־פיה מקלעות ומסגרתיהם
מרבעות לא עגלות: וארבעת האופנים למתחת לב
למסגרות וידות האופנים במכונה וקומת האופן האחד
אמה וחצי האמה: ומעשה האופנים כמעשה אופן לג
המרכבה ידותם וגביהם וחשקיהם וחשריהם הכל מוצק:
וארבע כתפות אל ארבע פנות המכונה האחת מן־ לד
המכנה כתפיה: ובראש המכונה חצי האמה קומה לה
עגל | סביב ועל ראש המכנה ידתיה ומסגרתיה ממנה:

כב' כצ"ל כג' וקו קרי כו' כצ"ל ע"כ

נאָמען בועַז. 22 און אויף די קעפּ פון די זיילן איז געווען ליליענאַרבעט. אַזוי איז פאַרענדיקט געוואָרן די אַרבעט פון די זיילן.

23 און ער האָט געמאַכט דעם ים, אַ געגאָסענעם, צען איילן פון ראַנד צו ראַנד, קיילעכדיק רונד אַרום, און פינף איילן זיין הייך; און אַ שנור פון דרייסיק איילן האָט אים אַרומגערינגלט רונד אַרום. 24 און אונטער זיין ראַנד רונד אַרום האָבן אים אַרומגערינגלט קנעפּ צען איילן, אַרומצירקלענדיק דעם ים רונד אַרום; אין צווי צייַלן זיינען געווען די קנעפּ, אויסגעגאָסן אין איין גוס מיט אים. 25 ער איז געשטאַנען אויף צוועלף רינדער; דריי געקערט צו צפון, און דריי געקערט צו מערב, און דריי געקערט צו דָרום, און דריי געקערט צו מזרח. און דער ים איז גע־ווען איבער זיי פון אויבן; און אַלע זייערע הינטערלייבער זיינען געווען אינעווייניק־צו. 26 און זיין גרעב איז געווען אַ האַנטברייט; און זיין ראַנד איז געווען אַזוי ווי די אַרבעט פון דעם ראַנד פון אַ בעכער, ווי אַ ליליענבלום. צוויי טויזנט בַּת האָט ער געהאַלטן.

27 און ער האָט געמאַכט די צען געשטעלן פון קופּער; פיר איילן איז געווען די לענג פון איטלעכן גע־שטעל, און פיר איילן זיין ברייט, און דריי איילן זיין הייך. 28 און אַזוי איז געווען די אַרבעט פון די געשטעלן: זיי האָבן געהאַט ראַמען, און די ראַמען זיינען געווען צווישן לייסטן. 29 און אויף די ראַמען וואָס צווישן די לייסטן זיינען געווען לייבן, רינדער, און כרובים; און אַזוי איז געווען אויף די לייסטן פון אויבן; און אונטער די לייבן און די רינדער זיינען געווען קרענץ פון אַראָפּגעהאַנגענער אַרבעט. 30 און פיר קופּערנע רעדער זיינען געווען צו איטלעכן געשטעל, און קופּערנע אַקסן; און זיינע פיר ווינקלען—צו זיי זיינען געווען אַקסלען; אונטער דעם האַנטפאַס[א] זיינען די אַקסלען געווען אויסגעגאָסן, מיט קרענץ ביי דער זייט פון איטלעכן. 31 און זיין[א] עפענונג אינעווייניק אין דער קרוין און איבער איר איז געווען אַן אייל די הייך; און איר[ב] עפענונג איז געווען קיילעכדיק, ווי די אַרבעט פון אַ פוס־געשטעל, אַן אייל און אַ האַלב; און אויך אויף איר עפענונג זיינען געווען אויסקריצונגען; און זייערע ראַמען זיינען גע־ווען פירעקעכדיק, ניט רונד. 32 און די פיר רעדער זיינען געווען אונטער די ראַמען, און די אַקסן פון די רעדער זיינען געווען אין דעם געשטעל; און די הייך פון אַ ראָד איז געווען אַן אייל און אַ האַלבע אייל. 33 און די אַרבעט פון די רעדער איז געווען אַזוי ווי די אַרבעט פון אַ ראָד פון אַ וואָגן; זייערע אַקסן, און זייערע רייפן, און זייערע פּלעקלעך, און זייערע אַקסרעדלעך, אַלץ איז געווען געגאָסן. 34 און פיר אַקסלען זיינען געווען צו די פיר ווינקלען פון איטלעכן געשטעל; פון געשטעל גופא זיינען געווען זיינע אַקסלען. 35 און אויבן אין געשטעל איז געווען קיילעכדיק רונד אַרום אַ האַלבע אייל די הייך. און אויבן אויפן געשטעל זיינע הענטלעך און זיינע ראַמען געווען פון אים גופא.

[א] ד. ה. פון דעם האַנטפאַס. [ב] ד. ה. פון דער קרוין.

לו וַיְפַתַּח עַל־הַלֻּחֹת יְדֹתֶיהָ וְעַל וּמִסְגְּרֹתֶיהָ כְּרוּבִים
לז אֲרָיוֹת וְתִמֹרֹת כְּמַעַר־אִישׁ וְלֹיוֹת סָבִיב׃ כָּזֹאת עָשָׂה
אֵת עֶשֶׂר הַמְּכֹנוֹת מוּצָק אֶחָד מִדָּה אַחַת קֶצֶב אֶחָד
לח לְכֻלָּהְנָה׃ וַיַּעַשׂ עֲשָׂרָה כִיֹּרוֹת נְחֹשֶׁת אַרְבָּעִים
בַּת יָכִיל ׀ הַכִּיּוֹר הָאֶחָד אַרְבַּע בָּאַמָּה הַכִּיּוֹר הָאֶחָד
לט כִּיּוֹר אֶחָד עַל־הַמְּכוֹנָה הָאַחַת לְעֶשֶׂר הַמְּכֹנוֹת׃ וַיִּתֵּן
אֶת־הַמְּכֹנוֹת חָמֵשׁ עַל־כֶּתֶף הַבַּיִת מִיָּמִין וְחָמֵשׁ עַל־
כֶּתֶף הַבַּיִת מִשְּׂמֹאלוֹ וְאֶת־הַיָּם נָתַן מִכֶּתֶף הַבַּיִת הַיְמָנִית
מ קֵדְמָה מִמּוּל נֶגֶב׃ וַיַּעַשׂ חִירוֹם אֶת־הַכִּיֹּרוֹת
וְאֶת־הַיָּעִים וְאֶת־הַמִּזְרָקוֹת וַיְכַל חִירָם לַעֲשׂוֹת אֶת־כָּל־
מא הַמְּלָאכָה אֲשֶׁר עָשָׂה לַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בֵּית יְהוָה׃ עַמֻּדִים
שְׁנַיִם וְגֻלֹּת הַכֹּתָרֹת אֲשֶׁר־עַל־רֹאשׁ הָעַמֻּדִים שְׁתָּיִם
וְהַשְּׂבָכוֹת שְׁתַּיִם לְכַסּוֹת אֶת־שְׁתֵּי גֻּלֹּת הַכֹּתָרֹת אֲשֶׁר
מב עַל־רֹאשׁ הָעַמּוּדִים׃ וְאֶת־הָרִמֹּנִים אַרְבַּע מֵאוֹת לִשְׁתֵּי
הַשְּׂבָכוֹת שְׁנֵי־טוּרִים רִמֹּנִים לַשְּׂבָכָה הָאֶחָת לְכַסּוֹת אֶת־
מג שְׁתֵּי גֻּלֹּת הַכֹּתָרֹת אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הָעַמּוּדִים׃ וְאֶת־הַמְּכֹנוֹת
מד עֶשֶׂר וְאֶת־הַכִּיֹּרֹת עֲשָׂרָה עַל־הַמְּכֹנוֹת׃ וְאֶת־הַיָּם הָאֶחָד
מה וְאֶת־הַבָּקָר שְׁנֵים־עָשָׂר תַּחַת הַיָּם׃ וְאֶת־הַסִּירוֹת וְאֶת־
הַיָּעִים וְאֶת־הַמִּזְרָקוֹת וְאֵת כָּל־הַכֵּלִים הָאֹהֶל אֲשֶׁר עָשָׂה
מו חִירָם לַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בֵּית יְהוָה נְחֹשֶׁת מְמֹרָט׃ בְּכִכַּר
הַיַּרְדֵּן יְצָקָם הַמֶּלֶךְ בְּמַעֲבֵה הָאֲדָמָה בֵּין סֻכּוֹת וּבֵין
מז צָרְתָן׃ וַיַּנַּח שְׁלֹמֹה אֶת־כָּל־הַכֵּלִים מֵרֹב מְאֹד מְאֹד לֹא
מח נֶחְקַר מִשְׁקַל הַנְּחֹשֶׁת׃ וַיַּעַשׂ שְׁלֹמֹה אֵת כָּל־הַכֵּלִים
אֲשֶׁר בֵּית יְהוָה אֵת מִזְבַּח הַזָּהָב וְאֶת־הַשֻּׁלְחָן אֲשֶׁר עָלָיו
מט לֶחֶם הַפָּנִים זָהָב׃ וְאֶת־הַמְּנֹרוֹת חָמֵשׁ מִיָּמִין וְחָמֵשׁ מִשְּׂמֹאול
לִפְנֵי הַדְּבִיר זָהָב סָגוּר וְהַפֶּרַח וְהַנֵּרֹת וְהַמֶּלְקַחַיִם זָהָב׃
נ וְהַסִּפּוֹת וְהַמְזַמְּרוֹת וְהַמִּזְרָקוֹת וְהַכַּפּוֹת וְהַמַּחְתּוֹת זָהָב

לו׳ מסגרתיה קרי   בז הפטרת ויקהל כמנהג אשכנזים והיא
הפטרת פקודי כפי הספרדים וגם הפטרת: זאת חנוכה.   מה׳ האלה קרי

36 און ער האָט אויסגעקריצט אויף די פּלעכן פון זיינע
הענטלעך, און אויף זיינע לייסטן, כּרובים, לייבן, און
טײטלביימער, ווי נאָך דעם בלייז פון איטלעכן, און
קרענץ רונד אַרום. 37 אַזוי האָט ער געמאַכט די צען גע־
שטעלן; איין גוס, איין מאָס, איין שניט, פאַר זיי אַלעמען.
38 און ער האָט געמאַכט צען האַנטפּאַסן פון קופּער;
פערציק בת האָט געהאַלטן איטלעכער האַנטפּאַס; פיר
איילן איטלעכער האַנטפּאַס; איין האַנטפּאַס אויף איט־
לעכן געשטעל פון די צען געשטעלן. 39 און ער האָט
אַוועקגעשטעלט די געשטעלן, פינף אויף דער רעכטער
זייט פון הויז, און פינף אויף דער לינקער זייט פון הויז.
און דעם ים האָט ער אַוועקגעשטעלט אויף דער רעכטער
זייט פון הויז צו מזרח, אַקעגן דָרום.
40 און חירם האָט געמאַכט די טעפּ און די שופלען
און די שפּרענגבעקנס.
און חירם האָט געענדיקט מאַכן די גאַנצע אַרבעט
וואָס ער האָט געטאָן פאַר דעם מלך שלמה אין גאָטס
הויז: 41 די צוויי זיילן, און די צוויי בעקנס פון די קרוינען
וואָס אויף די קעפּ פון די זיילן; און די צוויי נעצן צו באַ־
דעקן די צוויי בעקנס פון די קרוינען וואָס אויף די קעפּ
פון די זיילן; 42 און די פיר הונדערט מילגרוימען פאַר די צוויי נעצן, צוויי ציילן מילגרוימען פאַר איטלעכער
נעץ, צו באַדעקן די צוויי קיילעכדיקע קרוינען וואָס איבער די זיילן; 43 און די צען געשטעלן, און די צען
האַנטפּאַסן אויף די געשטעלן; 44 און דעם איין ים, און די צוועלף רינדער אונטער דעם ים; 45 און די טעפּ און די
שופלען און די שפּרענגבעקנס. און אַלע דידאָזיקע כּלים וואָס חירם האָט געמאַכט פאַר דעם מלך שלמה אין גאָטס
הויז, זיינען געווען פון בלאַנקן קופּער. 46 אין דער געגנט פון יַרדן האָט זיי דער מלך אויסגעגאָסן, אין געדיכטער ערד,
צווישן סוכּות און צווישן צָרתָן. 47 און שלמה האָט געלאָזט די אַלע כּלים [ניט געוווויגן], פון זייער גרויס פילקייט; ניט
צו באַרעכענען איז געווען די וואָג פון דעם קופּער.
48 און שלמה האָט געמאַכט אַלע כּלים וואָס אין גאָטס הויז: דעם גילדערנעם מזבח, און דעם טיש וואָס אויף
אים איז דאָס ברויט פון אָנגעזיכט, פון גאָלד; 49 און די מנורות, פינף פון דער רעכטער זייט, און פינף פון דער
לינקער זייט, פאַר דעם דביר, פון עכטן גאָלד; און די בלומען, און די רערלעך, און די צוואַנגלעך, פון גאָלד; 50 און
די בעקנס, און די שנייצמעסערס, און די שפּרענגבעקנס, און די שאָלן, און די פייערפאַנען, פון עכטן גאָלד; און די

סגור והפתות לדלתות הבית הפנימי לקדש הקדשים
לדלתי הבית להיכל זהב: ׳ ותשלם כל־המלאכה נא
אשר עשה המלך שלמה בית יהוה ויבא שלמה את־
קדשי ׀ דוד אביו את־הכסף ואת־הזהב ואת־הכלים נתן
באצרות בית יהוה:

ח

אז יקהל שלמה את־זקני ישראל את־כל־ראשי המטות א
נשיאי האבות לבני ישראל אל־המלך שלמה ירושלם
להעלות את־ארון ברית־יהוה מעיר דוד היא ציון:
ויקהלו אל־המלך שלמה כל־איש ישראל בירח ב
האתנים בחג הוא החדש השביעי: ויבאו כל זקני ג
ישראל וישאו הכהנים את־הארון: ויעלו את־ארון יהוה ד
ואת־אהל מועד ואת־כל־כלי הקדש אשר באהל ויעלו
אתם הכהנים והלוים: והמלך שלמה וכל־עדת ישראל ה
הנועדים עליו אתו לפני הארון מזבחים צאן ובקר
אשר לא־יספרו ולא ימנו מרב: ויבאו הכהנים את־ ו
ארון ברית־יהוה אל־מקומו אל־דביר הבית אל־קדש
הקדשים אל־תחת כנפי הכרובים: כי הכרובים פרשים ז
כנפים אל־מקום הארון ויסכו הכרבים על־הארון ועל־
בדיו מלמעלה: ויארכו הבדים ויראו ראשי הבדים ח
מן־הקדש על־פני הדביר ולא יראו החוצה ויהיו שם
עד היום הזה: אין בארון רק שני לחות האבנים אשר ט
הנח שם משה בחרב אשר כרת יהוה עם־בני ישראל
בצאתם מארץ מצרים: ויהי בצאת הכהנים מן־הקדש י
והענן מלא את־בית יהוה: ולא־יכלו הכהנים לעמד יא
לשרת מפני הענן כי־מלא כבוד־יהוה את־בית יהוה:
אז אמר שלמה יהוה אמר לשכן בערפל: בנה בניתי יב יג

ז, נ׳ ע״כ   נא׳ הפטרות פקודי כמנהג אשכנזים
ח, א׳ כצ״ל בלי ו׳ ע״פ המסרה   ב׳ הפטרות יום שני של סוכות

געלענקען פֿאַר די טירן פֿון דעם אינעווייניקסטן הויז, פֿאַר דעם קָדשי־קָדשים, און פֿאַר די טירן פֿון דעם הויז, פֿאַר דעם הֵיכל, פֿון גאָלד.

51 און די גאַנצע אַרבעט וואָס דער מלך שלמה האָט געמאַכט אין גאָטס הויז, איז געענדיקט געוואָרן. און שלמה האָט געבראַכט די געהייליקטע זאַכן פֿון זיין פֿאָטער דודן, דאָס זילבער, און דאָס גאָלד, און די כּלים, און אַריינגעגעבן אין די שאַצקאַמערן פֿון גאָטס הויז.

ח

1 דענסמאָל האָט שלמה אַיינגעזאַמלט די עלטסטע פֿון ישׂראל, און אַלע הויפּטלייט פֿון די שבֿטים, די פֿירשטן פֿון די פֿאָטערהייזער פֿון די קינדער פֿון ישׂראל, צום מלך שלמה קיין ירושָלַיִם, כּדי אַרויפֿצוברענגען דעם אָרון פֿון גאָטס בונד פֿון דודס־שטאָט, דאָס איז צִיון. 2 און אַלע מענער פֿון ישׂראל האָבן זיך אַיינגעזאַמלט צום מלך שלמה אויף יָום־טוב, אין מאָנאַט אֵיתָנים, דאָס איז דער זיבעטער חודש. 3 און אַלע עלטסטע פֿון ישׂראל זיינען געקומען, און די כּהנים האָבן געטראָגן דעם אָרון. 4 און זיי האָבן אַרויפֿגעבראַכט דעם אָרון פֿון גאָט, און דעם אוהל־מועד, און אַלע הייליקע כּלים וואָס אין געצעלט—די כּהנים און די לְוִיִם האָבן זיי אַרויפֿגעבראַכט. 5 און דער מלך שלמה און מיט אים די גאַנצע עדה פֿון ישׂראל וואָס איז זיך צונויפֿגעקומען ביי אים, זיינען געווען פֿאַר דעם אָרון, שלאַכטנדיק שאָף און רינדער, וואָס האָבן ניט געקענט געציילט ווערן און ניט באַרעכנט ווערן פֿון פֿילקייט. 6 און די כּהנים האָבן אַריינגעבראַכט דעם אָרון פֿון גאָטס בונד אויף זיין אָרט, אין דעם דביר פֿון הויז, אין קָדשי־קָדשים, אונטער די פֿליגלען פֿון די כּרובים. 7 וואָרום די כּרובים האָבן אויסגעשפּרייט די פֿליגלען איבער דעם אָרט פֿון אָרון, און די כּרובים האָבן געשירעמט איבער דעם אָרון און איבער זיינע שטאַנגען פֿון אויבן. 8 און די שטאַנגען זיינען געווען אַזוי לאַנג אַז די שפּיצן פֿון די שטאַנגען זיינען געזען געוואָרן פֿון הייליקטום פֿאַרן דביר, אָבער זיי זיינען ניט געזען געוואָרן ווייטער אַרויס. און זיי זיינען דאָרטן געבליבן ביז אויף היינטיקן טאָג. 9 גאָרניש איז אין אָרון געווען, נאָר די צוויי שטיינערנע לוחות וואָס משה האָט אַהין אַריינגעלייגט אין חורֵב, בעת גאָט האָט געשלאָסן אַ בונד מיט די קינדער פֿון ישׂראל, ווען זיי זיינען אַרויסגעגאַנגען פֿון לאַנד מִצרַיִם.

10 און עס איז געווען, ווי די כּהנים זיינען אַרויסגעגאַנגען פֿון הייליקטום, אַזוי האָט אַ וואָלקן אָנגעפֿילט דאָס הויז פֿון גאָט. 11 און די כּהנים האָבן ניט געקענט זיך שטעלן טאָן דעם דינסט פֿון וועגן דעם וואָלקן, וואָרום די פּראַכט פֿון גאָט האָט אָנגעפֿילט דאָס הויז פֿון גאָט.

12 דענסמאָל האָט שלמה געזאָגט:

גאָט האָט געזאָגט אין וואָלקן צו רוען[א];

[א] זע ויקרא טז, 2.

יד בֵּית זְבֻל לָךְ מָכוֹן לְשִׁבְתְּךָ עוֹלָמִים׃ וַיַּסֵּב הַמֶּלֶךְ אֶת־
פָּנָיו וַיְבָרֶךְ אֵת כָּל־קְהַל יִשְׂרָאֵל וְכָל־קְהַל יִשְׂרָאֵל עֹמֵד׃
טו וַיֹּאמֶר בָּרוּךְ יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּפִיו אֵת
טז דָּוִד אָבִי וּבְיָדוֹ מִלֵּא לֵאמֹר׃ מִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר הוֹצֵאתִי אֶת־
עַמִּי אֶת־יִשְׂרָאֵל מִמִּצְרַיִם לֹא־בָחַרְתִּי בְעִיר מִכֹּל שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל לִבְנוֹת בַּיִת לִהְיוֹת שְׁמִי שָׁם וָאֶבְחַר בְּדָוִד לִהְיוֹת
יז עַל־עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי עִם־לְבַב דָּוִד אָבִי לִבְנוֹת בַּיִת
יח לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־דָּוִד אָבִי יַעַן
אֲשֶׁר הָיָה עִם־לְבָבְךָ לִבְנוֹת בַּיִת לִשְׁמִי הֱטִיבֹתָ כִּי הָיָה
יט עִם־לְבָבֶךָ׃ רַק אַתָּה לֹא תִבְנֶה הַבָּיִת כִּי אִם־בִּנְךָ הַיֹּצֵא
כ מֵחֲלָצֶיךָ הוּא־יִבְנֶה הַבַּיִת לִשְׁמִי׃ וַיָּקֶם יְהוָה אֶת־דְּבָרוֹ
אֲשֶׁר דִּבֵּר וָאָקֻם תַּחַת דָּוִד אָבִי וָאֵשֵׁב ׀ עַל־כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל
כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה וָאֶבְנֶה הַבַּיִת לְשֵׁם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃
כא וָאָשִׂם שָׁם מָקוֹם לָאָרוֹן אֲשֶׁר־שָׁם בְּרִית יְהוָה אֲשֶׁר
כָּרַת עִם־אֲבֹתֵינוּ בְּהוֹצִיאוֹ אֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם׃
כב וַיַּעֲמֹד שְׁלֹמֹה לִפְנֵי מִזְבַּח יְהוָה נֶגֶד כָּל־קְהַל יִשְׂרָאֵל
כג וַיִּפְרֹשׂ כַּפָּיו הַשָּׁמָיִם׃ וַיֹּאמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֵין־
כָּמוֹךָ אֱלֹהִים בַּשָּׁמַיִם מִמַּעַל וְעַל־הָאָרֶץ מִתָּחַת שֹׁמֵר
הַבְּרִית וְהַחֶסֶד לַעֲבָדֶיךָ הַהֹלְכִים לְפָנֶיךָ בְּכָל־לִבָּם׃
כד אֲשֶׁר שָׁמַרְתָּ לְעַבְדְּךָ דָּוִד אָבִי אֵת אֲשֶׁר־דִּבַּרְתָּ לוֹ
כה וַתְּדַבֵּר בְּפִיךָ וּבְיָדְךָ מִלֵּאתָ כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וְעַתָּה יְהוָה ׀
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל שְׁמֹר לְעַבְדְּךָ דָוִד אָבִי אֵת אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ
לּוֹ לֵאמֹר לֹא־יִכָּרֵת לְךָ אִישׁ מִלְּפָנַי יֹשֵׁב עַל־כִּסֵּא
יִשְׂרָאֵל רַק אִם־יִשְׁמְרוּ בָנֶיךָ אֶת־דַּרְכָּם לָלֶכֶת לְפָנַי
כו כַּאֲשֶׁר הָלַכְתָּ לְפָנָי׃ וְעַתָּה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל יֵאָמֶן נָא
כז דְּבָרְיךָ אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ לְעַבְדְּךָ דָּוִד אָבִי׃ כִּי הַאֻמְנָם יֵשֵׁב
אֱלֹהִים עַל־הָאָרֶץ הִנֵּה הַשָּׁמַיִם וּשְׁמֵי הַשָּׁמַיִם לֹא יְכַלְכְּלוּךָ

כא׳ ע״כ    כו׳ דברך קרי

13 האָב איך בויען געבויט דיר אַ הויז פאַר אַ וווינונג,

אַן אָרט דיר צום זיצן אויף אייביק.

14 און דער מלך האָט אומגעדרייט זיין פנים, און האָט געבענטשט די גאַנצע אַיינזאַמלונג פון ישראל, און די גאַנצע אַיינזאַמלונג פון ישראל איז געשטאַנען. 15 און ער האָט געזאָגט: געלויבט איז יהוה דער גאָט פון ישראל, וואָס האָט מיט זיין מויל גערעדט צו מיין פאָטער דודן, און מיט זיין האַנט דערפילט, אַזוי צו זאָגן: 16 פון דעם טאָג וואָס איך האָב אַרויסגעצויגן מיין פאָלק, ישראל, פון מִצרַיִם, האָב איך ניט אויסדערוויילט קיין שטאָט פון אַלע שבטים פון ישראל אויף צו בויען אַ הויז אַז מיין נאָמען זאָל דאָרטן זיין, אָבער איך האָב אויסדערוויילט דודן צו זיין איבער מיין פאָלק ישראל. 17 און עס איז געווען אין האַרצן פון מיין פאָטער דודן צו בויען אַ הויז צו דעם נאָמען פון יהוה דעם גאָט פון ישראל. 18 אָבער גאָט האָט געזאָגט צו מיין פאָטער דודן: אַזוי ווי דו האָסט געהאַט אין האַרצן צו בויען אַ הויז צו מיין נאָמען, האָסטו גוט גע־טאָן וואָס דו האָסט דאָס געהאַט אין האַרצן. 19 אָבער ניט דו וועסט בויען דאָס הויז, נייערט דיין זון וואָס גייט אַרויס פון דיינע לענדן, ער וועט בויען דאָס הויז צו מיין נאָמען. 20 און גאָט האָט מקיים געווען זיין צוזאָג וואָס ער האָט צו־געזאָגט, און איך בין אויפגעשטאַנען אויף מיין פאָטער דודס אָרט, און איך האָב זיך געזעצט אויף דעם טראָן פון ישראל, אַזוי ווי גאָט האָט צוגעזאָגט, און איך האָב געבויט דאָס הויז צו דעם נאָמען פון יהוה דעם גאָט פון ישראל. 21 און איך האָב דאָרטן געמאַכט אַן אָרט פאַר דעם אָרון, וואָס דאָרטן איז דער בונד פון גאָט, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט אונדזערע עלטערן, ווען ער האָט זיי אַרויסגעצויגן פון לאַנד מִצרַיִם.

22 און שלמה האָט זיך געשטעלט פאַר דעם מזבח פון גאָט, אַקעגן דער גאַנצער אַיינזאַמלונג פון ישראל, און האָט אויסגעשפּרייט זיינע הענט צום הימל. 23 און ער האָט געזאָגט: יהוה דו גאָט פון ישראל, ניטאָ אין הימל אויבן אָדער אויף דער ערד אונטן אַ גאָט ווי דו, וואָס היטסט דעם בונד און די גענאָד צו דיינע קנעכט וואָס גייען פאַר דיר מיט זייער גאַנצן האַרצן; 24 וואָס האָסט געהיט דיין קנעכט, מיין פאָטער דודן, דאָס וואָס דו האָסט אים צוגעזאָגט; און מיט דיין מויל האָסטו גערעדט, און מיט דיין האַנט דערפילט, אַזוי ווי היינטיקן טאָג. 25 און אַצונד, יהוה דו גאָט פון ישראל, האַלט דיין קנעכט, מיין פאָטער דודן, דאָס וואָס דו האָסט צו אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן: עס וועט דיר ניט פאַרשניטן ווערן פון פאַר מיר אַ מאַן צו זיצן אויף דעם טראָן פון ישראל, אויב נאָר דיינע קינדער וועלן היטן זייער וועג, צו גיין פאַר מיר אַזוי ווי דו ביסט געגאַנגען פאַר מיר. 26 און אַצונד, גאָט פון ישראל, זאָל, איך בעט דיך, באַוועדט ווערן דיין צוזאָג וואָס דו האָסט צוגעזאָגט דיין קנעכט, מיין פאָטער דודן.

27 וואָרום קען אין דער אמתן גאָט וווינען אויף דער ערד? אַז די הימלען און די הימלען פון די הימלען קענען דיך

כח אף כי־הבית הזה אשר בניתי׃ ופנית אל־תפלת עבדך
ואל־תחנתו יהוה אלהי לשמע אל־הרנה ואל־התפלה
כט אשר עבדך מתפלל לפניך היום׃ להיות עינך פתחת
אל־הבית הזה לילה ויום אל־המקום אשר אמרת יהיה
שמי שם לשמע אל־התפלה אשר יתפלל עבדך אל־
ל המקום הזה׃ ושמעת אל־תחנת עבדך ועמך ישראל
אשר יתפללו אל־המקום הזה ואתה תשמע אל־מקום
לא שבתך אל־השמים ושמעת וסלחת׃ את אשר יחטא
איש לרעהו ונשא־בו אלה להאלתו ובא אלה לפני
לב מזבחך בבית הזה׃ ואתה ׀ תשמע השמים ועשית
ושפטת את־עבדיך להרשיע רשע לתת דרכו בראשו
לג ולהצדיק צדיק לתת לו כצדקתו׃ בהנגף עמך
ישראל לפני אויב אשר יחטאו־לך ושבו אליך והודו
לד את־שמך והתפללו והתחננו אליך בבית הזה׃ ואתה
תשמע השמים וסלחת לחטאת עמך ישראל והשבתם
לה אל־האדמה אשר נתת לאבותם׃ בהעצר שמים
ולא־יהיה מטר כי יחטאו־לך והתפללו אל־המקום הזה
לו והודו את־שמך ומחטאתם ישובון כי תענם׃ ואתה ׀
תשמע השמים וסלחת לחטאת עבדיך ועמך ישראל
כי תורם את־הדרך הטובה אשר ילכו־בה ונתתה מטר
לז על־ארצך אשר־נתתה לעמך לנחלה׃ רעב כי־
יהיה בארץ דבר כי־יהיה שדפון ירקון ארבה חסיל כי
יהיה כי יצר־לו איבו בארץ שעריו כל־נגע כל־מחלה׃
לח כל־תפלה כל־תחנה אשר תהיה לכל־האדם לכל עמך
ישראל אשר ידעון איש נגע לבבו ופרש כפיו אל־
לט הבית הזה׃ ואתה תשמע השמים מכון שבתך וסלחת
ועשית ונתת לאיש ככל־דרכיו אשר תדע את־לבבו
מ כי־אתה ידעת לבדך את־לבב כל־בני האדם׃ למען

ניט אַרײַנעמען, הײַנט ווי שוין דאָסדאָזיקע הויז וואָס איך האָב געבויט! 28 אָבער קער זיך צו דער תּפילה פֿון דײַן קנעכט, און צו זײַן בקשה, יהוה מײַן גאָט, צוצוהערן צו דעם געשריי און צו דער תּפילה וואָס דײַן קנעכט איז מתפּלל פֿאַר דיר הײַנט, 29 אַז דײַנע אויגן זאָלן זײַן אָפֿן אויף דעמדאָזיקן הויז נאַכט און טאָג, אויף דעם אָרט, וואָס דו האָסט געזאָגט: מײַן נאָמען זאָל דאָרטן זײַן; צו־צוהערן צו דער תּפילה וואָס דײַן קנעכט וועט מתפּלל זײַן אַקעגן דעמדאָזיקן אָרט. 30 און זאָלסט צוהערן צו דער בקשה פֿון דײַן קנעכט, און פֿון דײַן פֿאָלק ישׂראל, וואָס זיי וועלן מתפּלל זײַן אַקעגן דעמדאָזיקן אָרט; און דו זאָלסט הערן אין דעם אָרט פֿון דײַן וווינונג, אין הימל, און אַז דו וועסט הערן, זאָלסטו פֿאַרגעבן.

31 אַז אַ מאַן וועט זינדיקן קעגן זײַן חבר, און מע וועט אַרויפֿלייגן אויף אים אַ שבֿועה אים צו באַשווערן, און ער וועט קומען און שווערן פֿאַר דײַן מזבח אין דעמדאָזיקן הויז, 32 זאָלסט דו צוהערן אין הימל, און טאָן, און משפּטן דײַנע קנעכט, צו מאַכן שולדיק דעם שולדיקן, צו געבן זײַן וועג אויף זײַן קאָפּ; און צו מאַכן גערעכט דעם גערעכטן, אים צו געבן לויט זײַן גערעכטיקייט.

33 אַז דײַן פֿאָלק ישׂראל וועט געשלאָגן ווערן פֿאַרן פֿײַנט, ווײַל זיי האָבן געזינדיקט צו דיר, און זיי וועלן זיך אומקערן צו דיר, און וועלן באַקענען דײַן נאָמען, און וועלן מתפּלל זײַן און בעטן צו דיר אין דעמדאָזיקן הויז, 34 זאָלסט דו צוהערן אין הימל, און פֿאַרגעבן די זינד פֿון דײַן פֿאָלק ישׂראל, און זאָלסט זיי אומקערן אויף דער ערד וואָס דו האָסט געגעבן זייערע עלטערן.

35 אַז דער הימל וועט זײַן פֿאַרשלאָסן, און עס וועט ניט זײַן קיין רעגן, ווײַל זיי האָבן געזינדיקט צו דיר, און זיי וועלן מתפּלל זײַן אַקעגן דעמדאָזיקן אָרט, און וועלן באַקענען דײַן נאָמען, און זיך אומקערן פֿון זייער זינד, ווען דו האָסט זיי געפּייניקט, 36 זאָלסט דו צוהערן אין הימל, און פֿאַרגעבן די זינד פֿון דײַנע קנעכט און דײַן פֿאָלק ישׂראל, ווען דו וועסט זיי האָבן געוויזן דעם גוטן וועג וואָס זיי זאָלן גיין אויף אים; און זאָלסט געבן רעגן אויף דײַן לאַנד, וואָס דו האָסט געגעבן דײַן פֿאָלק פֿאַר אַ נחלה.

37 אַז עס וועט זײַן אַ הונגער אין לאַנד, אַז עס וועט זײַן אַ מגפֿה, אַז עס וועט זײַן אַ קאָרנבראַנד, אַ וועלקעניש, אַ הײשעריק, אַ גראָזפֿרעסער; אַז זײַן פֿײַנט וועט אים באַלעגערן אין דעם לאַנד פֿון זײַנע שטעט; וואָס נאָר פֿאַר אַ פּלאָג, וואָס נאָר פֿאַר אַ קראַנקשאַפֿט; 38 וואָס נאָר פֿאַר אַ תּפילה, וואָס נאָר פֿאַר אַ בקשה, עס וועט זײַן בײַ עמיצן איינעם פֿון דײַן גאַנצן פֿאָלק ישׂראל, ווען איטלעכער פֿון זיי שפּירט די פּלאָגעניש פֿון זײַן האַרצן, און ער שפּרייט אויס זײַנע הענט צו דעמדאָזיקן הויז, 39 זאָלסט דו צוהערן אין הימל, דעם אָרט פֿון דײַן וווינונג, און זאָלסט פֿאַרגעבן, און זאָלסט טאָן, און געבן איטלעכן לויט אַלע זײַנע וועגן, אַזוי ווי דו ווייסט זײַן האַרץ—וואָרום דו אַליין ווייסט דאָס האַרץ פֿון אַלע מענטשנקינדער—

40 כּדי זײ זאָלן מורא האָבן פאַר דיר אַלע טעג װאָס זײ לעבן אויף דער ערד װאָס דו האָסט געגעבן אונדזערע עלטערן.

41 און אויך צו דעם פרעמדן װאָס ער איז ניט פון דײן פאָלק ישׂראל, אַז ער װעט קומען פון אַ װײטן לאַנד פון װעגן דײן נאָמען— 42 װאָרום זײ װעלן הערן פון דײן גרויסן נאָמען, און פון דײן שטאַרקער האַנט, און פון דײן אויסגעשטרעקטן אָרעם—און ער װעט קומען און װעט מתפּלל זײן אַקעגן דעמדאָזיקן הויז, 43 זאָלסט דו צוהערן אין הימל, דעם אָרט פון דײן װוינונג, און זאָלסט טאָן אַלץ אום װאָס דער פרעמדער װעט רופן צו דיר; כּדי אַלע פעלקער פון דער ערד זאָלן דערקענען דײן נאָמען, מורא צו האָבן פאַר דיר, אַזױ װי דײן פאָלק ישׂראל, און װיסן אַז דײן נאָמען װערט גערופן אויף דעמדאָזיקן הויז װאָס איך האָב געבויט.

44 אַז דײן פאָלק װעט אַרויסגײן אויף מלחמה אַקעגן זײן פײנט, אויף װאָסער װעג דו װעסט זײ שיקן, און זײ װעלן מתפּלל זײן צו גאָט אַקעגן דער שטאָט װאָס דו האָסט זי אויסדערװײלט, און דעם הויז װאָס איך האָב געבויט צו דײן נאָמען, 45 זאָלסטו צוהערן אין הימל זײער תּפילה און זײער בקשה, און טאָן זײער רעכט.

46 אַז זײ װעלן זינדיקן צו דיר—װאָרום ניטאָ אַ מענטש װאָס זאָל ניט זינדיקן—און דו װעסט צערענען אויף זײ, און זײ איבערגעבן פאַרן פײנט, און זײערע פאַנגערס װעלן זײ נעמען געפאַנגען אין לאַנד פון דעם פײנט, װײט אָדער נאָענט; 47 און זײ װעלן זיך נעמען צום האַרצן אין דעם לאַנד װאָס זײ זײנען געװאָרן געפאַנגען אַהין, און זײ װעלן תּשובה טאָן, און װעלן בעטן צו דיר אין לאַנד פון זײערע פאַנגערס, אַזױ צו זאָגן: מיר האָבן געזינדיקט און פאַרבראָכן, מיר האָבן שלעכטס געטאָן; 48 און זײ װעלן זיך אומקערן צו דיר מיט זײער גאַנצן האַרצן, און מיט זײער גאַנצער זעל, אין לאַנד פון זײערע פײנט װאָס האָבן זײ געפאַנגען, און זײ װעלן מתפּלל זײן צו דיר אַקעגן זײער לאַנד, װאָס דו האָסט געגעבן זײערע עלטערן, דער שטאָט װאָס דו האָסט אויסדערװײלט, און דעם הויז װאָס איך האָב געבויט צו דײן נאָמען, 49 זאָלסטו צוהערן אין הימל, דעם אָרט פון דײן װוינונג, זײער תּפילה און זײער בקשה, און טאָן זײער רעכט; 50 און זאָלסט פאַרגעבן דײן פאָלק װאָס זײ האָבן געזינדיקט צו דיר, און אַלע זײערע פאַרברעכן װאָס זײ האָבן פאַרבראָכן קעגן דיר; און זאָלסט זײ געבן דערבאַרימונג בײ זײערע פאַנגערס, אַז זײ זאָלן זיך דערבאַרימען אויף זײ; 51 װאָרום זײ זײנען דײן פאָלק און דײן אַרב, װאָס דו האָסט אַרויסגעצויגן פון מצרים, פון דעם אײזנשמעלצאויװן. 52 דײנע אויגן זאָלן זײן אָפן צו דעם געבעט פון דײן קנעכט, און צו דעם געבעט פון דײן פאָלק ישׂראל, זײ צוצוהערן װען נאָר זײ רופן צו דיר. 53 װאָרום דו האָסט זײ אָפּגעשײדט דיר צום אַרב פון אַלע פעלקער פון דער ערד, אַזױ װי דו האָסט גערעדט דורך דײן קנעכט משהן װען

יִרָאוּךָ כׇּל־הַיָּמִים אֲשֶׁר־הֵם חַיִּים עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר
מא נָתַתָּה לַאֲבֹתֵינוּ׃ וְגַם אֶל־הַנׇּכְרִי אֲשֶׁר לֹא־מֵעַמְּךָ יִשְׂרָאֵל
מב הוּא וּבָא מֵאֶרֶץ רְחוֹקָה לְמַעַן שְׁמֶךָ׃ כִּי יִשְׁמְעוּן אֶת־
שִׁמְךָ הַגָּדוֹל וְאֶת־יָדְךָ הַחֲזָקָה וּזְרֹעֲךָ הַנְּטוּיָה וּבָא
מג וְהִתְפַּלֵּל אֶל־הַבַּיִת הַזֶּה׃ אַתָּה תִּשְׁמַע הַשָּׁמַיִם מְכוֹן
שִׁבְתֶּךָ וְעָשִׂיתָ כְּכֹל אֲשֶׁר־יִקְרָא אֵלֶיךָ הַנׇּכְרִי לְמַעַן
יֵדְעוּן כׇּל־עַמֵּי הָאָרֶץ אֶת־שְׁמֶךָ לְיִרְאָה אֹתְךָ כְּעַמְּךָ
יִשְׂרָאֵל וְלָדַעַת כִּי־שִׁמְךָ נִקְרָא עַל־הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר
מד בָּנִיתִי׃ כִּי־יֵצֵא עַמְּךָ לַמִּלְחָמָה עַל־אֹיְבוֹ בַּדֶּרֶךְ
אֲשֶׁר תִּשְׁלָחֵם וְהִתְפַּלְלוּ אֶל־יְהֹוָה דֶּרֶךְ הָעִיר אֲשֶׁר
מה בָּחַרְתָּ בָּהּ וְהַבַּיִת אֲשֶׁר־בָּנִתִי לִשְׁמֶךָ׃ וְשָׁמַעְתָּ הַשָּׁמַיִם
מו אֶת־תְּפִלָּתָם וְאֶת־תְּחִנָּתָם וְעָשִׂיתָ מִשְׁפָּטָם׃ כִּי יֶחֶטְאוּ־
לָךְ כִּי אֵין אָדָם אֲשֶׁר לֹא־יֶחֱטָא וְאָנַפְתָּ בָם וּנְתַתָּם לִפְנֵי
אוֹיֵב וְשָׁבוּם שֹׁבֵיהֶם אֶל־אֶרֶץ הָאוֹיֵב רְחוֹקָה אוֹ קְרוֹבָה׃
מז וְהֵשִׁיבוּ אֶל־לִבָּם בָּאָרֶץ אֲשֶׁר נִשְׁבּוּ־שָׁם וְשָׁבוּ ׀ וְהִתְחַנְּנוּ
אֵלֶיךָ בְּאֶרֶץ שֹׁבֵיהֶם לֵאמֹר חָטָאנוּ וְהֶעֱוִינוּ רָשָׁעְנוּ׃
מח וְשָׁבוּ אֵלֶיךָ בְּכׇל־לְבָבָם וּבְכׇל־נַפְשָׁם בְּאֶרֶץ אֹיְבֵיהֶם
אֲשֶׁר־שָׁבוּ אֹתָם וְהִתְפַּלְלוּ אֵלֶיךָ דֶּרֶךְ אַרְצָם אֲשֶׁר
נָתַתָּה לַאֲבוֹתָם הָעִיר אֲשֶׁר בָּחַרְתָּ וְהַבַּיִת אֲשֶׁר־בָּנִיתָ
מט לִשְׁמֶךָ׃ וְשָׁמַעְתָּ הַשָּׁמַיִם מְכוֹן שִׁבְתְּךָ אֶת־תְּפִלָּתָם
נ וְאֶת־תְּחִנָּתָם וְעָשִׂיתָ מִשְׁפָּטָם׃ וְסָלַחְתָּ לְעַמְּךָ אֲשֶׁר
חָטְאוּ־לָךְ וּלְכׇל־פִּשְׁעֵיהֶם אֲשֶׁר פָּשְׁעוּ־בָךְ וּנְתַתָּם לְרַחֲמִים
נא לִפְנֵי שֹׁבֵיהֶם וְרִחֲמוּם׃ כִּי־עַמְּךָ וְנַחֲלָתְךָ הֵם אֲשֶׁר הוֹצֵאתָ
נב מִמִּצְרַיִם מִתּוֹךְ כּוּר הַבַּרְזֶל׃ לִהְיוֹת עֵינֶיךָ פְּתֻחוֹת אֶל־
תְּחִנַּת עַבְדְּךָ וְאֶל־תְּחִנַּת עַמְּךָ יִשְׂרָאֵל לִשְׁמֹעַ אֲלֵיהֶם
נג בְּכֹל קׇרְאָם אֵלֶיךָ׃ כִּי־אַתָּה הִבְדַּלְתָּם לְךָ לְנַחֲלָה מִכֹּל
עַמֵּי הָאָרֶץ כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ בְּיַד ׀ מֹשֶׁה עַבְדֶּךָ בְּהוֹצִיאֲךָ

בנת׳ בניתי ק

אֶת־אֲבֹתֵינוּ מִמִּצְרַיִם אֲדֹנָי יֱהוִה׃ *וַיְהִי ׀ כְּכַלּוֹת נד
שְׁלֹמֹה לְהִתְפַּלֵּל אֶל־יְהוָה אֵת כָּל־הַתְּפִלָּה וְהַתְּחִנָּה
הַזֹּאת קָם מִלִּפְנֵי מִזְבַּח יְהוָה מִכְּרֹעַ עַל־בִּרְכָּיו וְכַפָּיו
פְּרֻשׂוֹת הַשָּׁמָיִם׃ וַיַּעֲמֹד וַיְבָרֶךְ אֵת כָּל־קְהַל יִשְׂרָאֵל נה
קוֹל גָּדוֹל לֵאמֹר׃ בָּרוּךְ יְהוָה אֲשֶׁר נָתַן מְנוּחָה לְעַמּוֹ נו
יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אֲשֶׁר דִּבֵּר לֹא־נָפַל דָּבָר אֶחָד מִכֹּל דְּבָרוֹ
הַטּוֹב אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד מֹשֶׁה עַבְדּוֹ׃ יְהִי יְהוָה אֱלֹהֵינוּ נז
עִמָּנוּ כַּאֲשֶׁר הָיָה עִם־אֲבֹתֵינוּ אַל־יַעַזְבֵנוּ וְאַל־יִטְּשֵׁנוּ׃
לְהַטּוֹת לְבָבֵנוּ אֵלָיו לָלֶכֶת בְּכָל־דְּרָכָיו וְלִשְׁמֹר מִצְוֹתָיו נח
וְחֻקָּיו וּמִשְׁפָּטָיו אֲשֶׁר צִוָּה אֶת־אֲבֹתֵינוּ׃ וְיִהְיוּ דְבָרַי נט
אֵלֶּה אֲשֶׁר הִתְחַנַּנְתִּי לִפְנֵי יְהוָה קְרֹבִים אֶל־יְהוָה אֱלֹהֵינוּ
יוֹמָם וָלָיְלָה לַעֲשׂוֹת ׀ מִשְׁפַּט עַבְדּוֹ וּמִשְׁפַּט עַמּוֹ יִשְׂרָאֵל
דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ׃ לְמַעַן דַּעַת כָּל־עַמֵּי הָאָרֶץ כִּי יְהוָה הוּא ס
הָאֱלֹהִים אֵין עוֹד׃ וְהָיָה לְבַבְכֶם שָׁלֵם עִם יְהוָה אֱלֹהֵינוּ סא
לָלֶכֶת בְּחֻקָּיו וְלִשְׁמֹר מִצְוֹתָיו כַּיּוֹם הַזֶּה׃ וְהַמֶּלֶךְ וְכָל־ סב
יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ זֹבְחִים זֶבַח לִפְנֵי יְהוָה׃ וַיִּזְבַּח שְׁלֹמֹה אֵת סג
זֶבַח הַשְּׁלָמִים אֲשֶׁר זָבַח לַיהוָה בָּקָר עֶשְׂרִים וּשְׁנַיִם אֶלֶף
וְצֹאן מֵאָה וְעֶשְׂרִים אָלֶף וַיַּחְנְכוּ אֶת־בֵּית יְהוָה הַמֶּלֶךְ
וְכָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ בַּיּוֹם הַהוּא קִדַּשׁ הַמֶּלֶךְ אֶת־תּוֹךְ סד
הֶחָצֵר אֲשֶׁר לִפְנֵי בֵית־יְהוָה כִּי־עָשָׂה שָׁם אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־
הַמִּנְחָה וְאֵת חֶלְבֵי הַשְּׁלָמִים כִּי־מִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר
לִפְנֵי יְהוָה קָטֹן מֵהָכִיל אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־הַמִּנְחָה וְאֵת חֶלְבֵי
הַשְּׁלָמִים׃ וַיַּעַשׂ שְׁלֹמֹה בָעֵת־הַהִיא ׀ אֶת־הֶחָג וְכָל־ סה
יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ קָהָל גָּדוֹל מִלְּבוֹא חֲמָת ׀ עַד־נַחַל מִצְרַיִם
לִפְנֵי יְהוָה אֱלֹהֵינוּ שִׁבְעַת יָמִים וְשִׁבְעַת יָמִים אַרְבָּעָה
עָשָׂר יוֹם׃ בַּיּוֹם הַשְּׁמִינִי שִׁלַּח אֶת־הָעָם וַיְבָרְכוּ אֶת־ סו

נד׳ הפטרת שמיני עצרת

דו האָסט אַרויסגעצויגן אונדזערע עלטערן פון מִצרַיִם, גאָט דו האַר.

[54] און עס איז געווען, ווי שלמה האָט געענדיקט מתפלל זיין צו גאָט די דאָזיקע גאַנצע תפילה און בקשה, איז ער אויפגעשטאַנען פון פאַרן מזבח פון גאָט, פון קניען אויף זיינע קני, מיט זיינע הענט אויסגעשפּרייט צום הימל, [55] און ער האָט זיך געשטעלט, און האָט געבענטשט די גאַנצע אײַנזאַמלונג פון ישׂראל אויף אַ הויכן קָול, אַזוי צו זאָגן: [56] געלויבט איז גאָט וואָס האָט געגעבן זיין פאָלק ישׂראל רו, אַזוי ווי אַלץ וואָס ער האָט צוגעזאָגט. ניט אַן איינציק וואָרט איז אָפּגעפאַלן פון אַל זיין גוטן צוזאָג וואָס ער האָט צוגעזאָגט דורך זיין קנעכט משהן. [57] זאָל יהוה אונדזער גאָט זיין מיט אונדז, אַזוי ווי ער איז געווען מיט אונדזערע עלטערן; ער זאָל אונדז ניט פאַרלאָזן און ניט אַוועקוואַרפן; [58] כּדי צו נייגן אונדזער האַרץ צו אים, צו גיין אין אַלע זיינע וועגן, און צו היטן זיינע געבאָט און זיינע חוקים און זיינע געזעצן, וואָס ער האָט באַפוילן אונדזערע עלטערן. [59] און זאָלן די דאָזיקע ווערטער מיינע וואָס איך האָב געבעטן פאַר גאָט, זיין נאָנט צו יהוה אונדזער גאָט טאָג און נאַכט, צו טאָן דאָס רעכט פון זיין קנעכט, און דאָס רעכט פון זיין פאָלק ישׂראל, טאָג אין טאָג; [60] כּדי אַלע פעלקער פון דער ערד זאָלן וויסן אַז יהוה איז גאָט; מער איז ניטאָ. [61] און זאָל אײַער האַרץ זיין גאַנץ מיט יהוה אונדזער גאָט, צו גיין אין זיינע געזעצן און צו היטן זיינע געבאָט, אַזוי ווי היינטיקן טאָג.

[62] און דער מלך און גאַנץ ישׂראל מיט אים האָבן געשלאַכט שלאַכטאָפּפער פאַר גאָט. [63] און שלמה האָט געשלאַכט פאַרן פרידאָפּפער וואָס ער האָט געשלאַכט צו גאָט, צוויי און צוואַנציק טויזנט רינדער, און הונדערט און צוואַנציק טויזנט שאָף. און דער מלך און אַלע קינדער פון ישׂראל האָבן באַנייט דאָס הויז פון גאָט. [64] אין יענעם טאָג האָט דער מלך געהייליקט דעם מיטן פון דעם הויף וואָס פאַר גאָטס הויז; ווייל ער האָט דאָרטן געמאַכט די בראַנד־אָפּפער און די שפּייזאָפּפער, און דאָס פעטס פון די פרידאָפּפער; וואָרום דער קופּערנער מזבח וואָס פאַר גאָט איז געווען צו קליין אַרויפצונעמען די בראַנדאָפּפער און די שפּייזאָפּפער, און דאָס פעטס פון די פרידאָפּפער.

[65] און שלמה האָט געמאַכט דעם יָום־טוב אין יענער צייט, און גאַנץ ישׂראל מיט אים—אַ גרויסע אײַנזאַמלונג, פון ווו מע קומט קיין חֲמָת ביז דעם טייך פון מִצרַיִם—פאַר יהוה אונדזער גאָט, זיבן טעג און זיבן טעג, פערצן טעג. [66] אויפן אַכטן טאָג האָט ער אַוועקגעשיקט דאָס פאָלק, און זיי האָבן געבענטשט דעם מלך, און זיינען געגאַנגען צו

וויערע געצעלטן פריילעכע און מיט אַן אויפגעראַמטן
האַרצן איבער אַלעם גוטן וואָס גאָט האָט געטאָן צו זיין
קנעכט דודן, און צו זיין פאָלק ישראל.

ט 1 און עס איז געווען, אַז שלמה האָט געענדיקט בויען
דאָס הויז פון גאָט, און דאָס הויז פון מלך, און יעט־
וועדער געלוסט פון שלמהן וואָס ער האָט געוואָלט מאַכן,
2 האָט זיך גאָט באַוויזן צו שלמהן אַ צווייט מאָל, אַזוי ווי
ער האָט זיך באַוויזן צו אים אין גבעון. 3 און גאָט האָט
צו אים געזאָגט: איך האָב צוגעהערט דיין תפילה און
דיין בקשה וואָס דו האָסט געבעטן פאַר מיר: איך האָב
געהייליקט דאָסדאָזיקע הויז וואָס דו האָסט געבויט, צו
טאָן מיין נאָמען דאָרטן אויף אייביק; און מיינע אויגן און
מיין האַרץ וועלן דאָרטן זיין אַלע טעג. 4 און דו, אויב
דו וועסט גיין פאַר מיר אַזוי ווי דיין פאָטער דוד איז גע־
גאַנגען, מיט גאַנצקייט פון האַרצן און מיט רעכטפאַר־
טיקייט, צו טאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס איך האָב דיר באַפוילן—
אַז דו וועסט היטן מיינע חוקים און מיינע געזעצן, 5 וועל
איך אויפשטעלן דעם טראָן פון דיין מלוכה איבער ישראל
אויף אייביק; אַזוי ווי איך האָב גערעדט צו דיין פאָטער

הַמֶּלֶךְ וַיֵּלְכוּ לְאׇהֳלֵיהֶם שְׂמֵחִים וְטוֹבֵי לֵב עַל כׇּל־הַטּוֹבָה
אֲשֶׁר עָשָׂה יְהוָה לְדָוִד עַבְדּוֹ וּלְיִשְׂרָאֵל עַמּוֹ׃

ט

א וַיְהִי כְּכַלּוֹת שְׁלֹמֹה לִבְנוֹת אֶת־בֵּית־יְהוָה וְאֶת־בֵּית הַמֶּלֶךְ
ב וְאֵת כׇּל־חֵשֶׁק שְׁלֹמֹה אֲשֶׁר חָפֵץ לַעֲשׂוֹת׃ וַיֵּרָא
יְהוָה אֶל־שְׁלֹמֹה שֵׁנִית כַּאֲשֶׁר נִרְאָה אֵלָיו בְּגִבְעוֹן׃
ג וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו שָׁמַעְתִּי אֶת־תְּפִלָּתְךָ וְאֶת־תְּחִנָּתְךָ
אֲשֶׁר הִתְחַנַּנְתָּה לְפָנַי הִקְדַּשְׁתִּי אֶת־הַבַּיִת הַזֶּה אֲשֶׁר
בָּנִתָה לָשׂוּם שְׁמִי־שָׁם עַד־עוֹלָם וְהָיוּ עֵינַי וְלִבִּי שָׁם כׇּל־
ד הַיָּמִים׃ וְאַתָּה אִם־תֵּלֵךְ לְפָנַי כַּאֲשֶׁר הָלַךְ דָּוִד אָבִיךָ
בְּתׇם־לֵבָב וּבְיֹשֶׁר לַעֲשׂוֹת כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתִיךָ חֻקַּי וּמִשְׁפָּטַי
ה תִּשְׁמֹר׃ וַהֲקִמֹתִי אֶת־כִּסֵּא מַמְלַכְתְּךָ עַל־יִשְׂרָאֵל לְעֹלָם
כַּאֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי עַל־דָּוִד אָבִיךָ לֵאמֹר לֹא־יִכָּרֵת לְךָ אִישׁ
ו מֵעַל כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל׃ אִם־שׁוֹב תְּשֻׁבוּן אַתֶּם וּבְנֵיכֶם מֵאַחֲרַי
וְלֹא תִשְׁמְרוּ מִצְוֺתַי חֻקֹּתַי אֲשֶׁר נָתַתִּי לִפְנֵיכֶם וַהֲלַכְתֶּם
ז וַעֲבַדְתֶּם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וְהִשְׁתַּחֲוִיתֶם לָהֶם׃ וְהִכְרַתִּי
אֶת־יִשְׂרָאֵל מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתִּי לָהֶם וְאֶת־
הַבַּיִת אֲשֶׁר הִקְדַּשְׁתִּי לִשְׁמִי אֲשַׁלַּח מֵעַל פָּנָי וְהָיָה
ח יִשְׂרָאֵל לְמָשָׁל וְלִשְׁנִינָה בְּכׇל־הָעַמִּים׃ וְהַבַּיִת הַזֶּה יִהְיֶה
עֶלְיוֹן כׇּל־עֹבֵר עָלָיו יִשֹּׁם וְשָׁרָק וְאָמְרוּ עַל־מֶה עָשָׂה
ט יְהוָה כָּכָה לָאָרֶץ הַזֹּאת וְלַבַּיִת הַזֶּה׃ וְאָמְרוּ עַל אֲשֶׁר
עָזְבוּ אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם אֲשֶׁר הוֹצִיא אֶת־אֲבֹתָם מֵאֶרֶץ
מִצְרַיִם וַיַּחֲזִקוּ בֵּאלֹהִים אֲחֵרִים וַיִּשְׁתַּחֲוֻ לָהֶם וַיַּעַבְדֻם
עַל־כֵּן הֵבִיא יְהוָה עֲלֵיהֶם אֵת כׇּל־הָרָעָה הַזֹּאת׃
וַיְהִי מִקְצֵה עֶשְׂרִים שָׁנָה אֲשֶׁר־בָּנָה שְׁלֹמֹה אֶת־שְׁנֵי
יא הַבָּתִּים אֶת־בֵּית יְהוָה וְאֶת־בֵּית הַמֶּלֶךְ׃ חִירָם מֶלֶךְ־צֹר
נִשָּׂא אֶת־שְׁלֹמֹה בַּעֲצֵי אֲרָזִים וּבַעֲצֵי בְרוֹשִׁים וּבַזָּהָב

ח, סג׳ פ״ב ט, ט׳ וישתחוו קרי

דודן, אַזוי צו זאָגן: עס וועט דיר ניט פאַרשניטן ווערן אַ מאַן פון דעם טראָן פון ישראל. 6 אויב אָבער אָפּקערן
וועט איר זיך אָפּקערן פון הינטער מיר, איר און אייערע קינדער, און וועט ניט היטן מיינע געבאָט, מיינע געזעצן
וואָס איך האָב געלייגט פאַר אייך, און איר וועט גיין און דינען פרעמדע געטער, און זיך בוקן צו זיי, 7 וועל איך
פאַרשניידן ישראל פון דעם געזיכט פון דער ערד וואָס איך האָב זיי געגעבן, און דאָס הויז וואָס איך האָב גע־
הייליקט צו מיין נאָמען, וועל איך אָפּשאַפן פון מיין פנים, און ישראל וועט ווערן פאַר אַ שפּריכוואָרט און פאַר אַ גע־
שפּעט צווישן אַלע פעלקער. 8 און דאָסדאָזיקע הויז וואָס האָט געוואָלט זיין דערהויבן, וועט איטלעכער וואָס גייט אים
פאַרביי זיך דערשרעקן, און וועט שמוצערן; און אַז זיי וועלן זאָגן: פאַרוואָס האָט גאָט געטאָן אַזוי צו דעמדאָזיקן לאַנד
און צו דעמדאָזיקן הויז? 9 וועט מען זאָגן: פאַרוואָס זיי האָבן פאַרלאָזן יהוה זייער גאָט, וואָס האָט אַרויסגעצויגן זייערע
עלטערן פון לאַנד מצרים, און זיי האָבן זיך געהאַלטן אָן פרעמדע געטער, און זיך געבוקט צו זיי און זיי געדינט; דרום
האָט יהוה געבראַכט אויף זיי אַלדאָסדאָזיקע בייז.

10 און עס איז געווען צום סוף פון צוואַנציק יאָר וואָס שלמה האָט געבויט די ביידע הייזער, דאָס הויז פון גאָט, און דאָס
הויז פון מלך— 11 חירם דער מלך פון צור האָט באַאָרגט שלמהן מיט צעדערהאָלץ און מיט ציפּרעסנהאָלץ און מיט גאָלד

לְכָל־חֶפְצוֹ אָז יִתֵּן הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה לְחִירָם עֶשְׂרִים עִיר
בְּאֶרֶץ הַגָּלִיל׃ וַיֵּצֵא חִירָם מִצֹּר לִרְאוֹת אֶת־הֶעָרִים יב
אֲשֶׁר נָתַן־לוֹ שְׁלֹמֹה וְלֹא יָשְׁרוּ בְּעֵינָיו׃ וַיֹּאמֶר מָה יג
הֶעָרִים הָאֵלֶּה אֲשֶׁר־נָתַתָּה לִּי אָחִי וַיִּקְרָא לָהֶם אֶרֶץ
כָּבוּל עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיִּשְׁלַח חִירָם לַמֶּלֶךְ מֵאָה יד
וְעֶשְׂרִים כִּכַּר זָהָב׃ וְזֶה דְבַר־הַמַּס אֲשֶׁר־הֶעֱלָה ׀ הַמֶּלֶךְ טו
שְׁלֹמֹה לִבְנוֹת אֶת־בֵּית יְהוָה וְאֶת־בֵּיתוֹ וְאֶת־הַמִּלּוֹא וְאֵת
חוֹמַת יְרוּשָׁלָ‍ִם וְאֶת־חָצֹר וְאֶת־מְגִדּוֹ וְאֶת־גָּזֶר׃ פַּרְעֹה טז
מֶלֶךְ־מִצְרַיִם עָלָה וַיִּלְכֹּד אֶת־גֶּזֶר וַיִּשְׂרְפָהּ בָּאֵשׁ וְאֶת־
הַכְּנַעֲנִי הַיֹּשֵׁב בָּעִיר הָרָג וַיִּתְּנָהּ שִׁלֻּחִים לְבִתּוֹ אֵשֶׁת
שְׁלֹמֹה׃ וַיִּבֶן שְׁלֹמֹה אֶת־גֶּזֶר וְאֶת־בֵּית חֹרֹן תַּחְתּוֹן׃ וְאֶת־ יז
בַּעֲלָת וְאֶת־תַּמֹר בַּמִּדְבָּר בָּאָרֶץ׃ וְאֵת כָּל־עָרֵי הַמִּסְכְּנוֹת יח
אֲשֶׁר הָיוּ לִשְׁלֹמֹה וְאֵת עָרֵי הָרֶכֶב וְאֵת עָרֵי הַפָּרָשִׁים יט
וְאֵת ׀ חֵשֶׁק שְׁלֹמֹה אֲשֶׁר חָשַׁק לִבְנוֹת בִּירוּשָׁלַ‍ִם וּבַלְּבָנוֹן
וּבְכֹל אֶרֶץ מֶמְשַׁלְתּוֹ׃ כָּל־הָעָם הַנּוֹתָר מִן־הָאֱמֹרִי הַחִתִּי כ
הַפְּרִזִּי הַחִוִּי וְהַיְבוּסִי אֲשֶׁר לֹא־מִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל הֵמָּה׃
בְּנֵיהֶם אֲשֶׁר נֹתְרוּ אַחֲרֵיהֶם בָּאָרֶץ אֲשֶׁר לֹא־יָכְלוּ בְּנֵי כא
יִשְׂרָאֵל לְהַחֲרִימָם וַיַּעֲלֵם שְׁלֹמֹה לְמַס־עֹבֵד עַד הַיּוֹם
הַזֶּה׃ וּמִבְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא־נָתַן שְׁלֹמֹה עָבֶד כִּי־הֵם אַנְשֵׁי כב
הַמִּלְחָמָה וַעֲבָדָיו וְשָׂרָיו וְשָׁלִשָׁיו וְשָׂרֵי רִכְבּוֹ וּפָרָשָׁיו׃
אֵלֶּה ׀ שָׂרֵי הַנִּצָּבִים אֲשֶׁר עַל־הַמְּלָאכָה לִשְׁלֹמֹה כג
חֲמִשִּׁים וַחֲמֵשׁ מֵאוֹת הָרֹדִים בָּעָם הָעֹשִׂים בַּמְּלָאכָה׃
אַךְ בַּת־פַּרְעֹה עָלְתָה מֵעִיר דָּוִד אֶל־בֵּיתָהּ אֲשֶׁר בָּנָה־ כד
לָהּ אָז בָּנָה אֶת־הַמִּלּוֹא׃ וְהֶעֱלָה שְׁלֹמֹה שָׁלֹשׁ פְּעָמִים כה
בַּשָּׁנָה עֹלוֹת וּשְׁלָמִים עַל־הַמִּזְבֵּחַ אֲשֶׁר בָּנָה לַיהוָה
וְהַקְטֵיר אִתּוֹ אֲשֶׁר לִפְנֵי יְהוָה וְשִׁלַּם אֶת־הַבָּיִת׃ וָאֳנִי כו
עָשָׂה הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בְּעֶצְיוֹן־גֶּבֶר אֲשֶׁר אֶת־אֵלוֹת עַל־

יז׳ קמץ בז״ק יח׳ תדמר ק׳

לויט אַל זיין פאַרלאַנג—האָט דענסמאָל דער מלך שלמה געגעבן חירָמען צוואַנציק שטעט אין לאַנד גָליל. 12 און חירָם איז אַרויסגעקומען פון צור אָנצוקוקן די שטעט וואָס שלמה האָט אים געגעבן, און זיי זיינען ניט ווילגעפעלן אין זיינע אויגן. 13 און ער האָט געזאָגט וואָס זיינען דאָס פאַר שטעט וואָס דו האָסט מיר געגעבן, מיין ברודער? און מע רופט זיי לאַנד כָבול ביז אויף היינטיקן טאָג.

14 און חירָם האָט געשיקט דעם מלך הונדערט און צוואַנציק צענטנער גאָלד.

15 און דאָס איז די מעשה מיט דעם צינז וואָס דער מלך שלמה האָט אויפגענומען, כדי צו בויען דאָס הויז פון גאָט, און זיין הויז, און דעם מִלוא, און די מויער פון ירושָלַיִם, און חָצור, און מגִדו, און גֶזֶר: 16 פַּרעה דער מלך פון מִצרַיִם איז אַרויפגעגאַנגען, און האָט באַצוווּנגען גֶזֶר, און האָט זי פאַרבּרענט אין פייער, און דעם כּנַעֲני וואָס איז געזעסן אין דער שטאָט, האָט ער אויסגעהרגעט, און ער האָט זי געגעבן אין נדן צו זיין טאָכטער, שלמהס ווייב. 17 און שלמה האָט אָפּגעבויט גֶזֶר, און די אונטער־שטע בֵּית־חורון, 18 און בַּעֲלָת, און תַּדמור אין מדבר, אין לאַנד, 19 און אַלע שפּייכלערשטעט וואָס שלמה האָט געהאַט, און די שטעט פאַר רייטוועגן, און די שטעט פאַר רייטער, און די געלוסטן וואָס שלמה האָט געגלוסט צו בויען אין ירושָלַיִם, און אויפן לבָנון, און אין גאַנצן לאַנד פון זיין ממשלה. 20 דאָס גאַנצע פאָלק וואָס איז איבערגע־בליבן פון דעם אֱמורי, דעם חִתּי, דעם פּרִזי, דעם חִוי, און דעם יבוסי, וואָס זיינען ניט געווען פון די קינדער פון ישׂראל— 21 זייערע קינדער וואָס זיינען געבליבן נאָך זיי אין לאַנד, וואָס די קינדער פון ישׂראל האָבן זיי ניט געקענט פאַרטיליקן, זיי האָט שלמה גענומען פאַר צינזקנעכט ביז אויף היינטיקן טאָג. 22 אָבער פון די קינדער פון ישׂראל האָט שלמה ניט געמאַכט קיין קנעכט; נאָר זיי זיינען געווען די מלחמה־לייט, און זיינע דינער, און זיינע האַרן, און זיינע הויפּט־לייט, און די האַרן איבער זיינע רייטוועגן און זיינע רייטער.

23 דאָס זיינען געווען די אויבערגעשטעלטע וואָס איבער שלמהס אַרבעט: פינף הונדערט און פופציק וואָס האָבן געוועלטיקט איבער דעם פאָלק וואָס טוט די אַרבעט.

24 ווי נאָר פּרעהס טאָכטער איז אַרויף פון דודס־שטאָט אין איר הויז וואָס ער האָט פאַר איר געבויט, האָט ער דענס־מאָל געבויט דעם מִלוא.

25 און שלמה פלעגט אויפבּרענגען דריי מאָל אין יאָר בראַנדאָפּפער און פרידאָפּפער אויף דעם מזבח וואָס ער האָט געבויט צו גאָט, און רייכערן דערביי [אויף דעם מזבח] וואָס פאַר גאָט.

אַזוי האָט ער פאַרענדיקט דאָס הויז.

26 אויך שיפן האָט געמאַכט דער מלך שלמה אין עֶציון־גֶבֶר וואָס ביי אֵלות אויפן ברעג פון ים־סוף, אין לאַנד

כז שְׂפַ֥ת יַם־ס֖וּף בְּאֶ֥רֶץ אֱדֽוֹם׃ וַיִּשְׁלַ֨ח חִירָ֤ם בָּֽאֳנִי֙ אֶת־עֲבָדָ֔יו
כח אַנְשֵׁ֣י אֳנִיּ֔וֹת יֹדְעֵ֖י הַיָּ֑ם עִ֖ם עַבְדֵ֥י שְׁלֹמֹֽה׃ וַיָּבֹ֣אוּ אוֹפִ֔ירָה
וַיִּקְח֤וּ מִשָּׁם֙ זָהָ֔ב אַרְבַּע־מֵא֥וֹת וְעֶשְׂרִ֖ים כִּכָּ֑ר וַיָּבִ֖אוּ אֶל־
הַמֶּ֥לֶךְ שְׁלֹמֹֽה׃

י

א וּמַֽלְכַּת־שְׁבָ֗א שֹׁמַ֛עַת אֶת־שֵׁ֥מַע שְׁלֹמֹ֖ה לְשֵׁ֣ם יְהוָ֑ה וַתָּבֹ֥א
ב לְנַסֹּת֖וֹ בְּחִידֽוֹת׃ וַתָּבֹ֣א יְרוּשָׁלַ֗מָה בְּחַיִל֮ כָּבֵ֣ד מְאֹד֒ גְּמַלִּ֗ים
נֹֽשְׂאִ֧ים בְּשָׂמִ֛ים וְזָהָ֥ב רַב־מְאֹ֖ד וְאֶ֣בֶן יְקָרָ֑ה וַתָּבֹא֙ אֶל־
ג שְׁלֹמֹ֔ה וַתְּדַבֵּ֣ר אֵלָ֔יו אֵ֛ת כָּל־אֲשֶׁ֥ר הָיָ֖ה עִם־לְבָבָֽהּ׃ וַיַּגֶּד־
לָ֥הּ שְׁלֹמֹ֖ה אֶת־כָּל־דְּבָרֶ֑יהָ לֹֽא־הָיָ֤ה דָּבָר֙ נֶעְלָ֣ם מִן־הַמֶּ֔לֶךְ
ד אֲשֶׁ֖ר לֹ֥א הִגִּ֖יד לָֽהּ׃ וַתֵּ֙רֶא֙ מַֽלְכַּת־שְׁבָ֔א אֵ֖ת כָּל־חָכְמַ֣ת
ה שְׁלֹמֹ֑ה וְהַבַּ֖יִת אֲשֶׁ֥ר בָּנָֽה׃ וּמַאֲכַ֣ל שֻׁלְחָנ֡וֹ וּמוֹשַׁ֣ב עֲבָדָיו֩
וּמַעֲמַ֨ד מְשָׁרְת֜וֹ וּמַלְבֻּֽשֵׁיהֶ֗ם וּמַשְׁקָיו֙ וְעֹ֣לָת֔וֹ אֲשֶׁ֥ר יַעֲלֶ֖ה
ו בֵּ֣ית יְהוָ֑ה וְלֹא־הָ֥יָה בָ֛הּ ע֖וֹד רֽוּחַ׃ וַתֹּ֙אמֶר֙ אֶל־הַמֶּ֔לֶךְ
אֱמֶת֙ הָיָ֣ה הַדָּבָ֔ר אֲשֶׁ֥ר שָׁמַ֖עְתִּי בְּאַרְצִ֑י עַל־דְּבָרֶ֖יךָ וְעַל־
ז חָכְמָתֶֽךָ׃ וְלֹא־הֶאֱמַ֣נְתִּי לַדְּבָרִ֗ים עַ֤ד אֲשֶׁר־בָּ֙אתִי֙ וַתִּרְאֶ֣ינָה
עֵינַ֔י וְהִנֵּ֥ה לֹֽא־הֻגַּד־לִ֖י הַחֵ֑צִי הוֹסַ֤פְתָּ חָכְמָה֙ וָט֔וֹב אֶל־
ח הַשְּׁמוּעָ֖ה אֲשֶׁ֥ר שָׁמָֽעְתִּי׃ אַשְׁרֵ֣י אֲנָשֶׁ֔יךָ אַשְׁרֵ֖י עֲבָדֶ֣יךָ
ט אֵ֑לֶּה הָעֹמְדִ֤ים לְפָנֶ֙יךָ֙ תָּמִ֔יד הַשֹּׁמְעִ֖ים אֶת־חָכְמָתֶֽךָ׃ יְהִ֨י
יְהוָ֤ה אֱלֹהֶ֙יךָ֙ בָּר֔וּךְ אֲשֶׁר֙ חָפֵ֣ץ בְּךָ֔ לְתִתְּךָ֖ עַל־כִּסֵּ֣א יִשְׂרָאֵ֑ל
בְּאַהֲבַ֨ת יְהוָ֤ה אֶת־יִשְׂרָאֵל֙ לְעֹלָ֔ם וַיְשִֽׂימְךָ֣ לְמֶ֔לֶךְ לַעֲשׂ֖וֹת
י מִשְׁפָּ֥ט וּצְדָקָֽה׃ וַתִּתֵּ֨ן לַמֶּ֜לֶךְ מֵאָ֥ה וְעֶשְׂרִ֣ים ׀ כִּכַּ֣ר זָהָ֗ב
וּבְשָׂמִ֛ים הַרְבֵּ֥ה מְאֹ֖ד וְאֶ֣בֶן יְקָרָ֑ה לֹ֣א בָא֩ כַבֹּ֨שֶׂם הַה֥וּא
יא ע֖וֹד לָרֹ֑ב אֲשֶׁר־נָתְנָ֥ה מַֽלְכַּת־שְׁבָ֖א לַמֶּ֥לֶךְ שְׁלֹמֹֽה׃ וְגַ֗ם
אֳנִ֤י חִירָם֙ אֲשֶׁר־נָשָׂ֣א זָהָ֔ב מֵאוֹפִ֑יר הֵבִ֨יא מֵאֹפִ֜יר עֲצֵ֧י
יב אַלְמֻגִּ֛ים הַרְבֵּ֥ה מְאֹ֖ד וְאֶ֥בֶן יְקָרָֽה׃ וַיַּ֣עַשׂ הַ֠מֶּלֶךְ אֶת־עֲצֵ֨י
הָאַלְמֻגִּ֜ים מִסְעָ֣ד לְבֵית־יְהוָה֮ וּלְבֵ֣ית הַמֶּלֶךְ֒ וְכִנֹּר֤וֹת

י, ה׳ משרתו קרי

אָדום. [27] און חירָם האָט געשיקט מיט די שיפן זיינע
קנעכט, שיפלייט וואָס קענען דעם ים, מיט שלמהס
קנעכט. [28] און זיי זיינען געקומען קיין אופיר, און האָבן
געקריגן פון דאָרטן גאָלד, פיר הונדערט און צוואַנציק
צענטנער, און געבראַכט צום מלך שלמה.

י [1] און די מלכה פון שבאָ האָט געהערט די הערונג
פון שלמהן, פון וועגן דעם נאָמען פון גאָט, און זי
איז געקומען אים צו פּרוּוון מיט רעטענישן. [2] און זי איז
געקומען קיין ירושָלַיִם מיט זייער אַ גרויסער מחנה,
קעמלען אָנגעלאָדן מיט בשׂמים און גאָלד זייער פיל, און
טייער געשטיין. און זי איז געקומען צו שלמהן, און האָט
גערעדט צו אים וועגן אַלץ וואָס איז געווען ביי איר אין
האַרצן. [3] און שלמה האָט איר געזאָגט אַלע אירע זאַכן;
ניט געווען אַ זאַך פאַרהוילן פון דעם מלך, וואָס ער זאָל
איר ניט זאָגן. [4] און די מלכה פון שבאָ האָט געזען די
גאַנצע חכמה פון שלמהן, און דאָס הויז וואָס ער האָט גע־
בויט, [5] און דאָס עסן פון זיין טיש, און דאָס זיצן פון זיינע
הויפדינער, און דאָס שטיין פון זיינע משָרתים מיט זייערע
מלבושים, און זיינע טראַנקמייסטערס, און זיין בראַנד־
אָפּפער וואָס ער פלעגט אויפברענגען אין גאָטס הויז, און
אין איר איז מער אַן אָטעם ניט געבליבן. [6] און זי האָט געזאָגט צום מלך: אמת איז געווען דאָס גערייד וואָס איך
האָב געהערט אין מיין לאַנד וועגן דיינע פירונגען און וועגן דיין חכמה. [7] און איך האָב ניט געגלויבט די ווערטער
ביז וואַנען איך בין געקומען, און מיינע אויגן האָבן געזען; ערשט מיר איז אַ העלפט ניט דערציילט געוואָרן.
שטייגסט אַריבער אין חכמה און גוטס די הערונג וואָס איך האָב געהערט. [8] ווויל צו דיינע לייט, וויל צו דידאָזיקע
קנעכט דיינע וואָס שטייען פאַר דיר תּמיד, וואָס הערן דיין חכמה. [9] געלויבט זאָל זיין יהוה דיין גאָט וואָס האָט דיך
באַגערט דיך אַרויפצוזעצן אויף דעם טראָן פון ישׂראל. ווייל יהוה האָט אייביק ליב ישׂראל, דרום האָט ער דיך גע־
מאַכט פאַר אַ מלך, צו טאָן רעכט און גערעכטיקייט.

[10] און זי האָט געגעבן דעם מלך הונדערט און צוואַנציק צענטנער גאָלד, און בשׂמים זייער פיל, און טייער געשטיין.
קיינמאָל ווידער איז ניט אַריינגעקומען אַזוי פיל ווי יענע בשׂמים וואָס די מלכה פון שבאָ האָט געגעבן צו שלמה המלך.
[11] און אויך די שיפן פון חירָמען וואָס האָבן געפירט גאָלד פון אופיר, האָבן געבראַכט פון אופיר סאַנדאַלהאָלץ
זייער פיל, און טייער געשטיין. [12] און דער מלך האָט געמאַכט פון דעם סאַנדאַלהאָלץ געלענדערס פאַר דעם הויז

וּנְבָלִים לַשָּׁרִים לֹא בָא־כֵן עֲצֵי אַלְמֻגִּים וְלֹא נִרְאָה עַד
הַיּוֹם הַזֶּה׃ וְהַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה נָתַן לְמַלְכַּת־שְׁבָא אֶת־כָּל־ יג
חֶפְצָהּ אֲשֶׁר שָׁאָלָה מִלְּבַד אֲשֶׁר נָתַן־לָהּ כְּיַד הַמֶּלֶךְ
שְׁלֹמֹה וַתֵּפֶן וַתֵּלֶךְ לְאַרְצָהּ הִיא וַעֲבָדֶיהָ׃ וַיְהִי יד
מִשְׁקַל הַזָּהָב אֲשֶׁר־בָּא לִשְׁלֹמֹה בְּשָׁנָה אֶחָת שֵׁשׁ מֵאוֹת
שִׁשִּׁים וָשֵׁשׁ כִּכַּר זָהָב׃ לְבַד מֵאַנְשֵׁי הַתָּרִים וּמִסְחַר טו
הָרֹכְלִים וְכָל־מַלְכֵי הָעֶרֶב וּפַחוֹת הָאָרֶץ׃ וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ טז
שְׁלֹמֹה מָאתַיִם צִנָּה זָהָב שָׁחוּט שֵׁשׁ־מֵאוֹת זָהָב יַעֲלֶה
עַל־הַצִּנָּה הָאֶחָת׃ וּשְׁלֹשׁ־מֵאוֹת מָגִנִּים זָהָב שָׁחוּט יז
שְׁלֹשֶׁת מָנִים זָהָב יַעֲלֶה עַל־הַמָּגֵן הָאֶחָת וַיִּתְּנֵם הַמֶּלֶךְ
בֵּית יַעַר הַלְּבָנוֹן׃ וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ כִּסֵּא־שֵׁן גָּדוֹל וַיְצַפֵּהוּ יח
זָהָב מוּפָז׃ שֵׁשׁ מַעֲלוֹת לַכִּסֵּה וְרֹאשׁ עָגֹל לַכִּסֵּה יט
מֵאַחֲרָיו וְיָדֹת מִזֶּה וּמִזֶּה אֶל־מְקוֹם הַשָּׁבֶת וּשְׁנַיִם אֲרָיוֹת
עֹמְדִים אֵצֶל הַיָּדוֹת׃ וּשְׁנֵים עָשָׂר אֲרָיִים עֹמְדִים שָׁם כ
עַל־שֵׁשׁ הַמַּעֲלוֹת מִזֶּה וּמִזֶּה לֹא־נַעֲשָׂה כֵן לְכָל־מַמְלָכוֹת׃
וְכֹל כְּלֵי מַשְׁקֵה הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה זָהָב וְכֹל כְּלֵי בֵּית־יַעַר כא
הַלְּבָנוֹן זָהָב סָגוּר אֵין כֶּסֶף לֹא נֶחְשָׁב בִּימֵי שְׁלֹמֹה
לִמְאוּמָה׃ כִּי אֳנִי תַרְשִׁישׁ לַמֶּלֶךְ בַּיָּם עִם אֳנִי חִירָם כב
אַחַת לְשָׁלֹשׁ שָׁנִים תָּבוֹא ׀ אֳנִי תַרְשִׁישׁ נֹשְׂאֵת זָהָב וָכֶסֶף
שֶׁנְהַבִּים וְקֹפִים וְתֻכִּיִּים׃ וַיִּגְדַּל הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה מִכֹּל כג
מַלְכֵי הָאָרֶץ לְעֹשֶׁר וּלְחָכְמָה׃ וְכָל־הָאָרֶץ מְבַקְשִׁים אֶת־ כד
פְּנֵי שְׁלֹמֹה לִשְׁמֹעַ אֶת־חָכְמָתוֹ אֲשֶׁר־נָתַן אֱלֹהִים בְּלִבּוֹ׃
וְהֵמָּה מְבִאִים אִישׁ מִנְחָתוֹ כְּלֵי־כֶסֶף וּכְלֵי זָהָב וּשְׂלָמוֹת כה
וָנֶשֶׁק וּבְשָׂמִים סוּסִים וּפְרָדִים דְּבַר־שָׁנָה בְּשָׁנָה׃
וַיֶּאֱסֹף שְׁלֹמֹה רֶכֶב וּפָרָשִׁים וַיְהִי־לוֹ אֶלֶף וְאַרְבַּע־מֵאוֹת כו
רֶכֶב וּשְׁנֵים־עָשָׂר אֶלֶף פָּרָשִׁים וַיַּנְחֵם בְּעָרֵי הָרֶכֶב וְעִם־
הַמֶּלֶךְ בִּירוּשָׁלִָם׃ וַיִּתֵּן הַמֶּלֶךְ אֶת־הַכֶּסֶף בִּירוּשָׁלִַם כז

יג׳ קמץ בז״ק   יט׳ כה״א תחת אל״ף

פון גאָט און פאַר דעם הויז פון מלך, און האַרפן און גיטאַרן פאַר די זינגערס. אַזעלכע סאַנדאַלהאָלץ איז ניט אַרײַנגעקומען און ניט געזען געוואָרן ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

[13] און שלמה המלך האָט געגעבן דער מלכּה פון שבאָ אַל איר באַגער וואָס זי האָט פאַרלאַנגט, אַחוץ וואָס ער האָט איר געגעבן לויט דער ברייטער האַנט פון שלמה המלך. און זי האָט זיך אומגעקערט, און איז אַוועקגעגאַנגען צו איר לאַנד, זי און אירע קנעכט.

[14] און די וואָג פון דעם גאָלד וואָס איז אַרײַנגעקומען בײַ שלמהן אין איין יאָר, איז געווען זעקס הונדערט און זעקס און זעכציק צענטנער גאָלד; [15] אַחוץ פון די לײַט די אַרומפאָרער, און פון דעם מסחר פון די האַנדלסלײַט, און פון אַלע מלכים פון די געמישטע פעלקער, און פון די לאַנדפירשטן.

[16] און שלמה המלך האָט געמאַכט צוויי הונדערט פאַנצערס פון געשלאָגענעם גאָלד; זעקס הונדערט גאָלד־שטיק איז אַוועק אויף איין פאַנצער. [17] און דרײַ הונדערט שילדן פון געשלאָגענעם גאָלד; דרײַ מָנֶה גאָלד איז אַוועק אויף איין שילד. און דער מלך האָט זיי אַרײַנגעשטעלט אין דעם הויז פון לבָנוֹן־וואַלד.

[18] און דער מלך האָט געמאַכט אַ גרויסן טראָן פון עלפנביין, און האָט אים איבערגעצויגן מיט גינגאָלד. [19] זעקס טרעפּ זײַנען געווען צום טראָן, און אַ קײַלעכדיקער קאָפּ איז געווען איבער דעם טראָן פון הינטן; און הענטלעך זײַנען געווען אויף בײדע זײַטן פון דעם אָרט צום זיצן, און צוויי לײבן זײַנען געשטאַנען בײַ די הענטלעך. [20] און צוועלף לײבן זײַנען דאָרטן געשטאַנען אויף די זעקס טרעפּ, פון דער זײַט און פון דער אַנדער זײַט. אַזוי־וואָס איז ניט געמאַכט געוואָרן אין קיין קיניגרײַך.

[21] און אַלע טרינק־כּלים פון שלמה המלך זײַנען געווען פון גאָלד, און אַלע כּלים פון דעם הויז פון לבָנוֹן־וואַלד זײַנען געווען פון עכטן גאָלד; קיין זילבער; דאָס האָט אין די טעג פון שלמהן זיך גערעכנט פאַר גאָרנישט. [22] וואָרום דער מלך האָט געהאַט תּרשיש־שיפן אויפן ים, מיט די שיפן פון חירָמען. איין מאָל אין דרײַ יאָר פלעגן די תּרשיש־שיפן קומען אָנגעלאָדן מיט גאָלד און זילבער, עלפנביין, און מאַלפּעס, און פּאַוועס.

[23] און שלמה המלך איז געווען גרעסער פון אַלע מלכים פון דער ערד אין עושר און אין חכמה. [24] און די גאַנצע וועלט האָט געזוכט שלמהס פּנים, כּדי צו הערן זײַן חכמה וואָס גאָט האָט אַרײַנגעגעבן אין זײַן האַרצן. [25] און זיי האָבן געבראַכט איטלעכער זײַן מתּנה, זילבערנע כּלים, און גילדערנע כּלים, און קליידער, און וואָפן, און בשׂמים, פערד, און מוילאייזלען, יאָר אין יאָר.

[26] און שלמה האָט אָנגעזאַמלט רײַטוואָגן און רײַטער; און ער האָט געהאַט טויזנט און פיר הונדערט רײַטוואָגן, און צוועלף טויזנט רײַטער. און ער האָט זיי אַהינגעטאָן אין די שטעט פאַר רײַטוואָגן, און בײַם מלך אין ירושָלַיִם.

[27] און דער מלך האָט געמאַכט זילבער אין ירושָלַיִם אַזוי ווי שטיינער, און צעדערן האָט ער געמאַכט אַזוי

ווי די ווילדע פייגנביימער וואָס אין דער נידערונג, אין פילקייט.

28 און דער אַרויסקום פון די פערד וואָס שלמה האָט געהאַט, איז געווען פון מִצרַיִם, און פון קוֵה; די סוחרים פון מלך פלעגן זיי קריגן פון קוֵה פאַר געצאָלט. 29 און אַ רייטוואָגן איז אַרויפגעקומען און אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם פאַר זעקס הונדערט זילבערשטיק, און אַ פערד פאַר הונדערט און פופציק; און דעסגלייכן פאַר אַלע מלכים פון די חִתּים, און פאַר די מלכים פון אֲרָם, פלעגט מען אַרויסברענגען דורך זייער האַנט.

**יא** 1 און שלמה המלך האָט ליב געהאַט פיל פרעמד־געבאָרענע ווייבער, אַחוץ פַּרעהס טאָכטער: מואָבישע, עַמונישע, אֱדומישע, צידונישע, חִתּישע; 2 פון די פעלקער וואָס גאָט האָט אָנגעזאָגט די קינדער פון ישׂראל: איר זאָלט ניט קומען צווישן זיי, און זיי זאָלן ניט קומען צווישן אַייך; זיי וועלן זיכער אָפּנייגן אַייער האַרץ נאָך זייערע געטער. אָן זיי האָט שלמה זיך באַהעפט אין ליבשאַפט. 3 און ער האָט געהאַט זיבן הונדערט ווייבער האַרינטעס, און דריי הונדערט קעפסווייבער, און זיינע ווייבער האָבן אָפּגענייגט זיין האַרץ. 4 און עס איז געווען צו דער צייט פון שלמהס עלטער, האָבן זיינע ווייבער אָפּגענייגט זיין האַרץ נאָך פרעמדע געטער, און זיין האַרץ איז ניט געווען גאַנץ מיט יהוה זיין גאָט, אַזוי ווי דאָס האַרץ פון זיין פאָטער דודן. 5 און שלמה איז געגאַנגען נאָך עַשתּורֶת דער געטין פון די צידונים, און נאָך מִלכּום, דער אומווערדיקייט פון די עַמונים. 6 און שלמה האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און ער איז ניט געגאַנגען אין גאַנצן נאָך גאָט, אַזוי ווי זיין פאָטער דוד. 7 דעמאָל האָט שלמה געבויט אַ בָּמָה צו כּמוש, דער אומווערדיקייט פון מואָב, אויף דעם באַרג וואָס פאַר ירושָלַיִם, און צו מולֶך, דער אומווערדיקייט פון די קינדער פון עַמון. 8 און אַזוי האָט ער געטאָן מיט אַלע זיינע פרעמדע ווייבער, וואָס האָבן גערייכערט און געשלאַכט צו זייערע געטער.

9 האָט גאָט געצערנט אויף שלמהן, ווייל זיין האַרץ האָט זיך אָפּגענייגט פון יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, וואָס האָט זיך באַוויזן צו אים צוויי מאָל, 10 און האָט אים באַפוילן וועגן דערדאָזיקער זאַך, ניט צו גיין נאָך פרעמדע געטער; און ער האָט ניט געהיט וואָס גאָט האָט באַפוילן. 11 און גאָט האָט געזאָגט צו שלמהן: ווייל דאָס איז געווען אין דיר, און דו האָסט ניט געהיט מיין בונד, און מיינע געזעצן וואָס איך האָב דיר באַפוילן, וועל איך אַוועקרייסן די מלוכה פון דיר, און וועל זי אַוועקגעבן צו דיינעם אַ קנעכט. 12 אָבער אין דיינע טעג וועל איך דאָס ניט טאָן, פון דיין פאָטער דודס וועגן; פון דיין זונס האַנט וועל איך זי אַוועקרייסן. 13 נאָר די גאַנצע מלוכה וועל איך ניט אַוועקרייסן; איין

בַּאֲבָנִים וְאֵת הָאֲרָזִים נָתַן כַּשִּׁקְמִים אֲשֶׁר־בַּשְּׁפֵלָה לָרֹב׃
כח וּמוֹצָא הַסּוּסִים אֲשֶׁר לִשְׁלֹמֹה מִמִּצְרָיִם וּמִקְוֵה סֹחֲרֵי
כט הַמֶּלֶךְ יִקְחוּ מִקְוֵה בִּמְחִיר׃ וַתַּעֲלֶה וַתֵּצֵא מֶרְכָּבָה
מִמִּצְרַיִם בְּשֵׁשׁ מֵאוֹת כֶּסֶף וְסוּס בַּחֲמִשִּׁים וּמֵאָה וְכֵן
לְכָל־מַלְכֵי הַחִתִּים וּלְמַלְכֵי אֲרָם בְּיָדָם יֹצִאוּ׃

יא

א וְהַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה אָהַב נָשִׁים נָכְרִיּוֹת רַבּוֹת וְאֶת־בַּת־פַּרְעֹה
ב מוֹאֲבִיּוֹת עַמֳּנִיּוֹת אֲדֹמִיֹּת צֵדְנִיֹּת חִתִּיֹּת׃ מִן־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר
אָמַר־יְהוָה אֶל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא־תָבֹאוּ בָהֶם וְהֵם לֹא־
יָבֹאוּ בָכֶם אָכֵן יַטּוּ אֶת־לְבַבְכֶם אַחֲרֵי אֱלֹהֵיהֶם בָּהֶם
ג דָּבַק שְׁלֹמֹה לְאַהֲבָה׃ וַיְהִי־לוֹ נָשִׁים שָׂרוֹת שְׁבַע מֵאוֹת
ד וּפִלַגְשִׁים שְׁלֹשׁ מֵאוֹת וַיַּטּוּ נָשָׁיו אֶת־לִבּוֹ׃ וַיְהִי לְעֵת
זִקְנַת שְׁלֹמֹה נָשָׁיו הִטּוּ אֶת־לְבָבוֹ אַחֲרֵי אֱלֹהִים אֲחֵרִים
וְלֹא־הָיָה לְבָבוֹ שָׁלֵם עִם־יְהוָה אֱלֹהָיו כִּלְבַב דָּוִיד אָבִיו׃
ה וַיֵּלֶךְ שְׁלֹמֹה אַחֲרֵי עַשְׁתֹּרֶת אֱלֹהֵי צִדֹנִים וְאַחֲרֵי מִלְכֹּם
ו שִׁקֻּץ עַמֹּנִים׃ וַיַּעַשׂ שְׁלֹמֹה הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וְלֹא מִלֵּא
ז אַחֲרֵי יְהוָה כְּדָוִד אָבִיו׃ אָז יִבְנֶה שְׁלֹמֹה בָּמָה
לִכְמוֹשׁ שִׁקֻּץ מוֹאָב בָּהָר אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי יְרוּשָׁלָםִ וּלְמֹלֶךְ
ח שִׁקֻּץ בְּנֵי עַמּוֹן׃ וְכֵן עָשָׂה לְכָל־נָשָׁיו הַנָּכְרִיּוֹת מַקְטִירוֹת
ט וּמְזַבְּחוֹת לֵאלֹהֵיהֶן׃ וַיִּתְאַנַּף יְהוָה בִּשְׁלֹמֹה כִּי־נָטָה
לְבָבוֹ מֵעִם יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הַנִּרְאָה אֵלָיו פַּעֲמָיִם׃
י וְצִוָּה אֵלָיו עַל־הַדָּבָר הַזֶּה לְבִלְתִּי־לֶכֶת אַחֲרֵי אֱלֹהִים
יא אֲחֵרִים וְלֹא שָׁמַר אֵת אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה
לִשְׁלֹמֹה יַעַן אֲשֶׁר הָיְתָה־זֹּאת עִמָּךְ וְלֹא שָׁמַרְתָּ בְּרִיתִי
וְחֻקֹּתַי אֲשֶׁר צִוִּיתִי עָלֶיךָ קָרֹעַ אֶקְרַע אֶת־הַמַּמְלָכָה מֵעָלֶיךָ
יב וּנְתַתִּיהָ לְעַבְדֶּךָ׃ אַךְ־בְּיָמֶיךָ לֹא אֶעֱשֶׂנָּה לְמַעַן דָּוִד
יג אָבִיךָ מִיַּד בִּנְךָ אֶקְרָעֶנָּה׃ רַק אֶת־כָּל־הַמַּמְלָכָה לֹא אֶקְרָע

יא, יג׳ קמץ בז״ק

שֵׁבֶט אֶחָד אֶתֵּן לִבְנֶךָ לְמַעַן דָּוִד עַבְדִּי וּלְמַעַן יְרוּשָׁלִָם
אֲשֶׁר בָּחָרְתִּי׃ וַיָּקֶם יְהוָה ׀ שָׂטָן לִשְׁלֹמֹה אֵת הֲדַד יד
הָאֲדֹמִי מִזֶּרַע הַמֶּלֶךְ הוּא בֶּאֱדוֹם׃ וַיְהִי בִּהְיוֹת דָּוִד טו
אֶת־אֱדוֹם בַּעֲלוֹת יוֹאָב שַׂר הַצָּבָא לְקַבֵּר אֶת־הַחֲלָלִים
וַיַּךְ כָּל־זָכָר בֶּאֱדוֹם׃ כִּי שֵׁשֶׁת חֳדָשִׁים יָשַׁב־שָׁם יוֹאָב טז
וְכָל־יִשְׂרָאֵל עַד־הִכְרִית כָּל־זָכָר בֶּאֱדוֹם׃ וַיִּבְרַח אֲדַד יז
הוּא וַאֲנָשִׁים אֲדֹמִיִּים מֵעַבְדֵי אָבִיו אִתּוֹ לָבוֹא מִצְרָיִם
וַהֲדַד נַעַר קָטָן׃ וַיָּקֻמוּ מִמִּדְיָן וַיָּבֹאוּ פָּארָן וַיִּקְחוּ אֲנָשִׁים יח
עִמָּם מִפָּארָן וַיָּבֹאוּ מִצְרַיִם אֶל־פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם וַיִּתֶּן
לוֹ בַיִת וְלֶחֶם אָמַר לוֹ וְאֶרֶץ נָתַן לוֹ׃ וַיִּמְצָא הֲדַד חֵן בְּעֵינֵי יט
פַרְעֹה מְאֹד וַיִּתֶּן־לוֹ אִשָּׁה אֶת־אֲחוֹת אִשְׁתּוֹ אֲחוֹת
תַּחְפְּנֵיס הַגְּבִירָה׃ וַתֵּלֶד לוֹ אֲחוֹת תַּחְפְּנֵיס אֵת גְּנֻבַת כ
בְּנוֹ וַתִּגְמְלֵהוּ תַחְפְּנֵס בְּתוֹךְ בֵּית פַּרְעֹה וַיְהִי גְנֻבַת בֵּית
פַּרְעֹה בְּתוֹךְ בְּנֵי פַרְעֹה׃ וַהֲדַד שָׁמַע בְּמִצְרַיִם כִּי־שָׁכַב כא
דָּוִד עִם־אֲבֹתָיו וְכִי־מֵת יוֹאָב שַׂר־הַצָּבָא וַיֹּאמֶר הֲדַד
אֶל־פַּרְעֹה שַׁלְּחֵנִי וְאֵלֵךְ אֶל־אַרְצִי׃ וַיֹּאמֶר לוֹ פַרְעֹה כב
כִּי מָה־אַתָּה חָסֵר עִמִּי וְהִנְּךָ מְבַקֵּשׁ לָלֶכֶת אֶל־אַרְצֶךָ
וַיֹּאמֶר ׀ לֹא כִּי שַׁלֵּחַ תְּשַׁלְּחֵנִי׃ וַיָּקֶם אֱלֹהִים לוֹ שָׂטָן כג
אֶת־רְזוֹן בֶּן־אֶלְיָדָע אֲשֶׁר בָּרַח מֵאֵת הֲדַדְעֶזֶר מֶלֶךְ־
צוֹבָה אֲדֹנָיו׃ וַיִּקְבֹּץ עָלָיו אֲנָשִׁים וַיְהִי שַׂר־גְּדוּד בַּהֲרֹג כד
דָּוִד אֹתָם וַיֵּלְכוּ דַמֶּשֶׂק וַיֵּשְׁבוּ בָהּ וַיִּמְלְכוּ בְּדַמָּשֶׂק׃
וַיְהִי שָׂטָן לְיִשְׂרָאֵל כָּל־יְמֵי שְׁלֹמֹה וְאֶת־הָרָעָה אֲשֶׁר כה
הֲדָד וַיָּקָץ בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּמְלֹךְ עַל־אֲרָם׃ וְיָרָבְעָם בֶּן־ כו
נְבָט אֶפְרָתִי מִן־הַצְּרֵדָה וְשֵׁם אִמּוֹ צְרוּעָה אִשָּׁה אַלְמָנָה
עֶבֶד לִשְׁלֹמֹה וַיָּרֶם יָד בַּמֶּלֶךְ׃ וְזֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־הֵרִים כז
יָד בַּמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה בָּנָה אֶת־הַמִּלּוֹא סָגַר אֶת־פֶּרֶץ עִיר
דָּוִד אָבִיו׃ וְהָאִישׁ יָרָבְעָם גִּבּוֹר חָיִל וַיַּרְא שְׁלֹמֹה אֶת־ כח

שבט וועל איך געבן צו דיין זון, פֿון וועגן מיין קנעכט דודן, און פֿון וועגן ירושָלַיִם וואָס איך האָב אויסדערוויילט.

14 און גאָט האָט אויפֿגעשטעלט אַ שׂטן אויף שלמהן, הֲדַד דעם אֲדומי. ער איז געווען פֿון קיניגלעכן אָפּשטאַם אין אֱדום; 15 און עס איז געווען, ווען דוד איז געווען אין אֱדום, בעת יוֹאָב דער חיל־פֿירער איז אַרויפֿגעגאַנגען באַגראָבן די געטייטע, און האָט געשלאָגן יעטוועדער מאַנספּאַרשוין אין אֱדום — 16 וואָרום זעקס חדשים איז דאָרטן געבליבן יוֹאָב און גאַנץ ישׂראל, ביז ער האָט פֿאַרשניטן יעטוועדער מאַנספּאַרשוין אין אֱדום — 17 איז הֲדַד אַנטלאָפֿן, ער און עטלעכע אֲדומים פֿון זיין פֿאָטערס קנעכט מיט אים, כּדי צו גיין קיין מִצרַיִם; און הֲדַד איז געווען אַ קליין יינגל. 18 און זיי זיינען אויפֿגעשטאַנען פֿון מִדיָן, און זיי זיינען געקומען קיין פּאָרָן, און זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך מענטשן פֿון פּאָרָן, און זיינען געקומען קיין מִצרַיִם צו פַּרעה דעם מלך פֿון מִצרַיִם. און ער האָט אים געגעבן אַ הויז, און האָט אָנגעזאָגט פֿאַר אים שפּייז, און אים געגעבן לאַנד. 19 און הֲדַד האָט געפֿונען גרויס חן אין די אויגן פֿון פַּרעהן, און ער האָט אים געגעבן פֿאַר אַ ווייב די שוועסטער פֿון זיין ווייב, די שוועסטער פֿון דער מלכּה תַּחפּנֵיס. 20 און די שוועסטער פֿון תַּחפּנֵיסן האָט אים געבאָרן זיין זון גנוּבַתן, און תַּחפּנֵיס האָט אים אַנטוווינט אין פַּרעהס הויז. און גנוּבַת איז געווען אין פַּרעהס הויז צווישן די קינדער פֿון פַּרעהן. 21 און ווי הֲדַד האָט געהערט אין מִצרַיִם אַז דוד האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און אַז יוֹאָב דער חיל־פֿירער איז טויט, אַזוי האָט הֲדַד געזאָגט צו פַּרעהן: לאָז מיך אַוועק, און איך וועל גיין אין מיין לאַנד. 22 האָט פַּרעה צו אים געזאָגט: אָבער וואָס פֿעלט דיר ביי מיר, אַז אָט ווילסטו גיין אין דיין לאַנד? האָט ער געזאָגט: גאָרנישט; אָבער אַוועקלאָזן מוזטו מיך אַוועקלאָזן.

23 אויך האָט גאָט אויפֿגעשטעלט אויף אים אַ שׂטן, רְזון דעם זון פֿון אֶליָדָען, וואָס איז אַנטלאָפֿן פֿון זיין האַר, הֲדַדעֶזֶר דעם מלך פֿון צוֹבָה. 24 און ער האָט אויפֿגעקליבן אַרום זיך מענטשן, און ער איז געוואָרן דער הויפּטמאַן פֿון אַ באַנדע, בעת דוד האָט געהרגעט די [מענטשן פֿון צוֹבָה]. און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען קיין דַמֶשֶׂק, און האָבן זיך אין איר באַזעצט, און האָבן געקיניגט אין דַמֶשֶׂק. 25 און ער איז געווען אַ שׂטן צו ישׂראל אַלע טעג פֿון שלמהן, אַחוץ דאָס בייז וואָס הֲדַד [האָט אָנגעטאָן]. און ער האָט פֿיינט געהאַט ישׂראל. און ער האָט געקיניגט איבער אֲרָם.

26 און יָרָבעָם דער זון פֿון נבָטן, אַן אפֿרַיִמער פֿון צרֵדָה, שלמהס אַ קנעכט, וואָס דער נאָמען פֿון זיין מוטער איז געווען צרוּעָה, אַ פֿרוי אַן אַלמנה, האָט אויך אויפֿגעהויבן זיין האַנט אַקעגן דעם מלך. 27 און דאָס איז די מעשׂה ווי אַזוי ער האָט אויפֿגעהויבן זיין האַנט אַקעגן דעם מלך: שלמה האָט געבויט דעם מִלוֹא; ער האָט פֿאַרמויערט דעם בראָך פֿון זיין פֿאָטער דודס שטאָט. 28 און דער מאַן יָרָבעָם איז געווען אַ העלדישער גיבור, און שלמה האָט געזען

הַנַּעַר כִּֽי־עֹשֵׂה מְלָאכָה הוּא וַיַּפְקֵד אֹתוֹ לְכָל־סֵבֶל
כט בֵּית יוֹסֵף׃ וַיְהִי בָּעֵת הַהִיא וְיָרָבְעָם יָצָא מִירוּשָׁלָ‍ִם
וַיִּמְצָא אֹתוֹ אֲחִיָּה הַשִּׁילֹנִי הַנָּבִיא בַּדֶּרֶךְ וְהוּא מִתְכַּסֶּה
ל בְּשַׂלְמָה חֲדָשָׁה וּשְׁנֵיהֶם לְבַדָּם בַּשָּׂדֶה׃ וַיִּתְפֹּשׂ אֲחִיָּה
בַּשַּׂלְמָה הַחֲדָשָׁה אֲשֶׁר עָלָיו וַיִּקְרָעֶהָ שְׁנֵים עָשָׂר קְרָעִים׃
לא וַיֹּאמֶר לְיָרָבְעָם קַח־לְךָ עֲשָׂרָה קְרָעִים כִּי כֹה אָמַר יְהוָה
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי קֹרֵעַ אֶת־הַמַּמְלָכָה מִיַּד שְׁלֹמֹה וְנָתַתִּי
לב לְךָ אֵת עֲשָׂרָה הַשְּׁבָטִים׃ וְהַשֵּׁבֶט הָאֶחָד יִהְיֶה־לּוֹ לְמַעַן׀
עַבְדִּי דָוִד וּלְמַעַן יְרוּשָׁלַ‍ִם הָעִיר אֲשֶׁר בָּחַרְתִּי בָהּ מִכֹּל
לג שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל׃ יַעַן׀ אֲשֶׁר עֲזָבוּנִי וַיִּשְׁתַּחֲווּ לְעַשְׁתֹּרֶת
אֱלֹהֵי צִדֹנִין לִכְמוֹשׁ אֱלֹהֵי מוֹאָב וּלְמִלְכֹּם אֱלֹהֵי בְנֵי־
עַמּוֹן וְלֹא־הָלְכוּ בִדְרָכַי לַעֲשׂוֹת הַיָּשָׁר בְּעֵינַי וְחֻקֹּתַי
לד וּמִשְׁפָּטַי כְּדָוִד אָבִיו׃ וְלֹא־אֶקַּח אֶת־כָּל־הַמַּמְלָכָה
מִיָּדוֹ כִּי׀ נָשִׂיא אֲשִׁתֶנּוּ כֹּל יְמֵי חַיָּיו לְמַעַן דָּוִד עַבְדִּי אֲשֶׁר
לה בָּחַרְתִּי אֹתוֹ אֲשֶׁר שָׁמַר מִצְוֺתַי וְחֻקֹּתָי׃ וְלָקַחְתִּי הַמְּלוּכָה
לו מִיַּד בְּנוֹ וּנְתַתִּיהָ לְּךָ אֵת עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים׃ וְלִבְנוֹ אֶתֵּן
שֵׁבֶט־אֶחָד לְמַעַן הֱיוֹת־נִיר לְדָוִיד־עַבְדִּי כָּל־הַיָּמִים׀
לְפָנַי בִּירוּשָׁלַ‍ִם הָעִיר אֲשֶׁר בָּחַרְתִּי לִי לָשׂוּם שְׁמִי שָׁם׃
לז וְאֹתְךָ אֶקַּח וּמָלַכְתָּ בְּכֹל אֲשֶׁר־תְּאַוֶּה נַפְשֶׁךָ וְהָיִיתָ מֶּלֶךְ
לח עַל־יִשְׂרָאֵל׃ וְהָיָה אִם־תִּשְׁמַע אֶת־כָּל־אֲשֶׁר אֲצַוֶּךָ
וְהָלַכְתָּ בִדְרָכַי וְעָשִׂיתָ הַיָּשָׁר בְּעֵינַי לִשְׁמוֹר חֻקּוֹתַי וּמִצְוֺתַי
כַּאֲשֶׁר עָשָׂה דָּוִד עַבְדִּי וְהָיִיתִי עִמָּךְ וּבָנִיתִי לְךָ בַיִת־
לט נֶאֱמָן כַּאֲשֶׁר בָּנִיתִי לְדָוִד וְנָתַתִּי לְךָ אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ וַאְעַנֶּה
מ אֶת־זֶרַע דָּוִד לְמַעַן זֹאת אַךְ לֹא כָל־הַיָּמִים׃ וַיְבַקֵּשׁ
שְׁלֹמֹה לְהָמִית אֶת־יָרָבְעָם וַיָּקָם יָרָבְעָם וַיִּבְרַח מִצְרַיִם
אֶל־שִׁישַׁק מֶלֶךְ־מִצְרַיִם וַיְהִי בְמִצְרַיִם עַד־מוֹת שְׁלֹמֹה׃
מא וְיֶתֶר דִּבְרֵי שְׁלֹמֹה וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה וְחָכְמָתוֹ הֲלוֹא־

לט׳ ואו נחה

דעם יונג אַז ער איז אַן אַרבעטטוער, און ער האָט אים אויפגעזעצט איבער דער גאַנצער לאַסטאַרבעט פון דעם הויז פון יוסף.

29 און עס איז געווען אין יענער צייט, ווען יָרָבעָם איז אַרויסגעגאַנגען פון ירושָלַיִם, האָט אים אָנגעטראָפן אויפן וועג דער נביא אַחִיָה פון שילו; און ער איז געווען אַיינגעדעקט אין אַ נייעם מאַנטל, און בלויז זיי ביידע זיינען געווען אין פעלד. 30 האָט אַחִיָה אָנגענומען דעם נייעם מאַנטל וואָס אויף אים, און האָט אים צעריסן אויף צוועלף שטיקער. 31 און ער האָט געזאָגט צו יָרָבעָמען: נעם דיר צען שטיקער, וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: זע, איך רייס אַוועק די מלוכה פון שלמהס האַנט, און וועל דיר געבן צען שבטים— 32 און איין שבט זאָל אים בלייבן, פון וועגן מיין קנעכט דודן, און פון וועגן ירושָלַיִם, דער שטאָט וואָס איך האָב זי אויסדערוויילט פון אַלע שבטים פון ישראל— 33 דערפאַר וואָס זיי האָבן מיך פאַרלאָזן, און האָבן זיך געבוקט צו עַשתּוֹרֶת דער געטין פון די צידונים, צו כמוש דעם גאָט פון מואָב, און צו מִלכּום דעם גאָט פון די קינדער פון עַמון, און זיי זיינען ניט געגאַנגען אין מיינע וועגן, צו טאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין מיינע אויגן, און מיינע חוקים און מיינע געזעצן, אַזוי ווי זיין פאָטער דוד. 34 אָבער איך וועל ניט אַוועקנעמען די גאַנצע מלוכה פון זיין האַנט, נייערט איך וועל אים לאָזן זיין אַ פירשט אַלע טעג פון זיין לעבן, פון וועגן מיין קנעכט דודן, וואָס איך האָב אים אויסדערוויילט, ווייל ער האָט געהיט מיינע געבאָט און מיינע געזעצן. 35 אָבער איך וועל אַוועקנעמען די מלוכה פון דער האַנט פון זיין זון, און וועל זי אָפּגעבן צו דיר—די צען שבטים. 36 און זיין זון וועל איך געבן איין שבט, כּדי אַ ליכט זאָל בלייבן מיין קנעכט דודן אַלע טעג פאַר מיר אין ירושָלַיִם, דער שטאָט וואָס איך האָב מיר אויסדערוויילט צו טאָן מיין נאָמען דאָרטן. 37 און דיך וועל איך נעמען, און וועסט קיניגן ווי ווייט דיין האַרץ געלוסט, און וועסט זיין אַ מלך איבער ישראל. 38 און עס וועט זיין, אויב דו וועסט צוהערן אַלץ וואָס איך וועל דיר באַפעלן און וועסט גיין אין מיינע וועגן, און וועסט טאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין מיינע אויגן, צו היטן מיינע געזעצן און מיינע געבאָט, אַזוי ווי מיין קנעכט דוד האָט געטאָן, וועל איך זיין מיט דיר, און וועל דיר בויען אַ זיכער הויז, אַזוי ווי איך האָב געבויט דודן, און איך וועל געבן ישראל צו דיר. 39 און איך וועל פּייניקן דעם זאָמען פון דודן פון וועגן דעם, אָבער ניט אויף אַלע טעג.

40 און שלמה האָט געזוכט צו טייטן יָרָבעָמען. איז יָרָבעָם אויפגעשטאַנען און איז אַנטלאָפן קיין מִצרַיִם צו שישַק דעם מלך פון מִצרַיִם; און ער איז געווען אין מִצרַיִם ביז שלמהס טויט.

41 און די איבעריקע זאַכן וועגן שלמהן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, און זיין חכמה, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די געשעענישן פון שלמהן.

הֵם כְּתֻבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי שְׁלֹמֹה׃ וְהַיָּמִים אֲשֶׁר מָלַךְ מב
שְׁלֹמֹה בִירוּשָׁלִַם עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל אַרְבָּעִים שָׁנָה׃ וַיִּשְׁכַּב מג
שְׁלֹמֹה עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּעִיר דָּוִד אָבִיו וַיִּמְלֹךְ רְחַבְעָם
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

יב

וַיֵּלֶךְ רְחַבְעָם שְׁכֶם כִּי שְׁכֶם בָּא כָל־יִשְׂרָאֵל לְהַמְלִיךְ א
אֹתוֹ׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ ׀ יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט וְהוּא עוֹדֶנּוּ בְמִצְרַיִם ב
אֲשֶׁר בָּרַח מִפְּנֵי הַמֶּלֶךְ שְׁלֹמֹה וַיֵּשֶׁב יָרָבְעָם בְּמִצְרָיִם׃
וַיִּשְׁלְחוּ וַיִּקְרְאוּ־לוֹ וַיָּבֹאוּ יָרָבְעָם וְכָל־קְהַל יִשְׂרָאֵל וַיְדַבְּרוּ ג
אֶל־רְחַבְעָם לֵאמֹר׃ אָבִיךָ הִקְשָׁה אֶת־עֻלֵּנוּ וְאַתָּה עַתָּה ד
הָקֵל מֵעֲבֹדַת אָבִיךָ הַקָּשָׁה וּמֵעֻלּוֹ הַכָּבֵד אֲשֶׁר־נָתַן
עָלֵינוּ וְנַעַבְדֶךָּ׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם לְכוּ־עֹד שְׁלֹשָׁה יָמִים ה
וְשׁוּבוּ אֵלָי וַיֵּלְכוּ הָעָם׃ וַיִּוָּעַץ הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם אֶת־ ו
הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר־הָיוּ עֹמְדִים אֶת־פְּנֵי שְׁלֹמֹה אָבִיו בִּהְיֹתוֹ
חַי לֵאמֹר אֵיךְ אַתֶּם נוֹעָצִים לְהָשִׁיב אֶת־הָעָם־הַזֶּה דָּבָר׃
וַיְדַבֵּר אֵלָיו לֵאמֹר אִם־הַיּוֹם תִּהְיֶה־עֶבֶד לָעָם הַזֶּה ז
וַעֲבַדְתָּם וַעֲנִיתָם וְדִבַּרְתָּ אֲלֵיהֶם דְּבָרִים טוֹבִים וְהָיוּ לְךָ
עֲבָדִים כָּל־הַיָּמִים׃ וַיַּעֲזֹב אֶת־עֲצַת הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר יְעָצֻהוּ ח
וַיִּוָּעַץ אֶת־הַיְלָדִים אֲשֶׁר גָּדְלוּ אִתּוֹ אֲשֶׁר הָעֹמְדִים לְפָנָיו׃
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם מָה אַתֶּם נוֹעָצִים וְנָשִׁיב דָּבָר אֶת־הָעָם ט
הַזֶּה אֲשֶׁר דִּבְּרוּ אֵלַי לֵאמֹר הָקֵל מִן־הָעֹל אֲשֶׁר־נָתַן
אָבִיךָ עָלֵינוּ׃ וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו הַיְלָדִים אֲשֶׁר גָּדְלוּ אִתּוֹ י
לֵאמֹר כֹּה־תֹאמַר לָעָם הַזֶּה אֲשֶׁר דִּבְּרוּ אֵלֶיךָ לֵאמֹר
אָבִיךָ הִכְבִּיד אֶת־עֻלֵּנוּ וְאַתָּה הָקֵל מֵעָלֵינוּ כֹּה תְּדַבֵּר
אֲלֵיהֶם קָטָנִּי עָבָה מִמָּתְנֵי אָבִי׃ וְעַתָּה אָבִי הֶעְמִיס יא
עֲלֵיכֶם עֹל כָּבֵד וַאֲנִי אוֹסִיף עַל־עֻלְּכֶם אָבִי יִסַּר אֶתְכֶם
בַּשּׁוֹטִים וַאֲנִי אֲיַסֵּר אֶתְכֶם בָּעַקְרַבִּים׃ וַיָּבוֹ יָרָבְעָם יב

יב, ג׳ ויבאו קרי ז׳ וידבר קרי יב׳ ויבוא ק

[42] און די טעג וואָס שלמה האָט געקיניגט אין ירושָלַיִם איבער גאַנץ ישׂראל, זיינען געווען פערציק יאָר. [43] און שלמה האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין זיין פאָטער דודס שטאָט. און זיין זון רחבעָם איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

## יב

[1] און רחבעָם איז געגאַנגען קיין שכֶם, וויל קיין שכֶם איז געקומען גאַנץ ישׂראל אים צו מאַכן פאַר אַ מלך.

[2] און עס איז געווען, ווי יָרבעָם דער זון פון נבָטן האָט דערהערט–וואָרום ער איז נאָך געווען אין מִצרַיִם, וווּהין ער איז אַנטלאָפן פון מלך שלמה; און יָרבעָם איז געזעסן אין מִצרַיִם, [3] און מע האָט געשיקט און אים גערופן–אַזוי איז געקומען יָרבעָם און די גאַנצע אײַנזאַמלונג פון ישׂראל, און זיי האָבן גערעדט צו רחבעָמען, אַזוי צו זאָגן: [4] דיין פאָטער האָט שווער געמאַכט אונדזער יאָך, און אַצונד פאַרגרינגער דו דעם האַרטן דינסט פון דיין פאָטער, און זיין שווערן יאָך, וואָס ער האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדז, און מיר וועלן דיר דינען. [5] האָט ער צו זיי געזאָגט: גייט אַוועק אויף נאָך דריי טעג, און קומט ווידער צו מיר. איז דאָס פאָלק אַוועקגעגאַנגען.

[6] האָט דער מלך רחבעָם זיך געעצהט מיט די זקנים וואָס פלעגן שטיין פאַר זיין פאָטער שלמהן, ווען ער האָט געלעבט, אַזוי צו זאָגן: ווי עצהט איר מיר צו געבן אַן ענטפער דעמדאָזיקן פאָלק? [7] האָבן זיי צו אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן: אויב דו וועסט היינט זיין אַ קנעכט צו דעמדאָזיקן פאָלק, און וועסט זיי דינען, און וועסט זיי ענטפערן און רעדן צו זיי גוטע רייד, וועלן זיי דיר זיין קנעכט אויף אַלע טעג.

[8] אָבער ער האָט פאַרלאָזן די עצה פון די זקנים וואָס זיי האָבן אים געעצהט, און ער האָט זיך געעצהט מיט די יונגעלייט וואָס זיינען אויפגעוואַקסן מיט אים, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אים. [9] און ער האָט צו זיי געזאָגט: וואָס עצהט איר, מיר זאָלן געבן אַן ענטפער דעמדאָזיקן פאָלק, וואָס האָבן צו מיר גערעדט אַזוי צו זאָגן: פאַרגרינגער דעם יאָך וואָס דיין פאָטער האָט אַרויפגעלייגט אויף אונדז? [10] האָבן צו אים גערעדט די יונגעלייט וואָס זיינען אויפגעוואַקסן מיט אים, אַזוי צו זאָגן: אַזוי זאָלסטו זאָגן צו דעמדאָזיקן פאָלק וואָס האָבן צו דיר גערעדט, אַזוי צו זאָגן: דיין פאָטער האָט שווער געמאַכט אונדזער יאָך, דרום פאַרגרינגער דו אונדז–אַזוי זאָלסטו רעדן צו זיי: מיין מינדסטער פינגער איז דיקער פון מיין פאָטערס לענדן. [11] און אַצונד, מיין פאָטער האָט אויף אייך אַרויפגעלאָדן אַ שווערן יאָך, און איך וועל נאָך צולייגן צו אייער יאָך; מיין פאָטער האָט אייך געשטראָפט מיט ריטער, און איך וועל אייך שטראָפן מיט שקאָרפּיאָנען.

12 איז געקומען יָרָבעָם און דאָס גאַנצע פאָלק צו רחַבעָמען אויפן דריטן טאָג, אַזוי ווי דער מלך האָט געהייסן, אַזוי צו זאָגן: קומט ווידער צו מיר אויפן דריטן טאָג. 13 און דער מלך האָט געענטפערט דעם פאָלק האַרט, און ער האָט פאַרלאָזן די עצה פון די זקנים וואָס זיי האָבן אים געעצהט. 14 און ער האָט צו זיי גערעדט אַזוי ווי די עצה פון די יונגעלייט, אַזוי צו זאָגן: מיין פאָטער האָט שווער געמאַכט אייער יאָך, און איך וועל נאָך צולייגן צו אייער יאָך; מיין פאָטער האָט אייך געשטראָפט מיט ריטער, און איך וועל אייך שטראָפן מיט שקאָרפּיאָנען.

15 און דער מלך האָט ניט צוגעהערט צום פאָלק, וואָרום דאָס איז געווען באַשערט פון גאָט, כּדי מקיים צו זיין זיין וואָרט, וואָס גאָט האָט גערעדט דורך אַחִיָהן פון שילוֹ צו יָרָבעָם דעם זון פון נבָטן.

16 און ווי גאַנץ ישׂראל האָט געזען, אַז דער מלך האָט ניט צוגעהערט צו זיי, אַזוי האָט דאָס גאַנצע פאָלק געגעבן דעם מלך אַן ענטפער, אַזוי צו זאָגן:

מיר האָבן ניט קיין חלק אין דודן,
און קיין ירושה אין דעם זון פון יִשַין.
צו דיינע געצעלטן, ישׂראל!
אַצונד קוק זיך אום אויף דיין הויז, דוד!

און ישׂראל איז אַוועקגעגאַנגען צו זיינע געצעלטן.
17 נאָר די קינדער פון ישׂראל וואָס זיינען געזעסן אין די שטעט פון יהודה, איבער זיי איז געבליבן קיניגן רחַבעָם.

וְכָל־הָעָם אֶל־רְחַבְעָם בַּיּוֹם הַשְּׁלִשִׁי כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר הַמֶּלֶךְ
יג לֵאמֹר שׁוּבוּ אֵלַי בַּיּוֹם הַשְּׁלִשִׁי׃ וַיַּעַן הַמֶּלֶךְ אֶת־הָעָם
יד קָשָׁה וַיַּעֲזֹב אֶת־עֲצַת הַזְּקֵנִים אֲשֶׁר יְעָצֻהוּ׃ וַיְדַבֵּר
אֲלֵיהֶם כַּעֲצַת הַיְלָדִים לֵאמֹר אָבִי הִכְבִּיד אֶת־עֻלְּכֶם
וַאֲנִי אֹסִיף עַל־עֻלְּכֶם אָבִי יִסַּר אֶתְכֶם בַּשּׁוֹטִים וַאֲנִי
טו אֲיַסֵּר אֶתְכֶם בָּעַקְרַבִּים׃ וְלֹא־שָׁמַע הַמֶּלֶךְ אֶל־הָעָם כִּי־
הָיְתָה סִבָּה מֵעִם יְהוָה לְמַעַן הָקִים אֶת־דְּבָרוֹ אֲשֶׁר דִּבֶּר
טז יְהוָה בְּיַד אֲחִיָּה הַשִּׁילֹנִי אֶל־יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט׃ וַיַּרְא
כָּל־יִשְׂרָאֵל כִּי לֹא־שָׁמַע הַמֶּלֶךְ אֲלֵהֶם וַיָּשִׁבוּ הָעָם אֶת־
הַמֶּלֶךְ דָּבָר ׀ לֵאמֹר מַה־לָּנוּ חֵלֶק בְּדָוִד וְלֹא־נַחֲלָה בְּבֶן־
יִשַׁי לְאֹהָלֶיךָ יִשְׂרָאֵל עַתָּה רְאֵה בֵיתְךָ דָּוִד וַיֵּלֶךְ יִשְׂרָאֵל
יז לְאֹהָלָיו׃ וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל הַיֹּשְׁבִים בְּעָרֵי יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ
יח עֲלֵיהֶם רְחַבְעָם׃ וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם אֶת־אֲדֹרָם
אֲשֶׁר עַל־הַמַּס וַיִּרְגְּמוּ כָל־יִשְׂרָאֵל בּוֹ אֶבֶן וַיָּמֹת וְהַמֶּלֶךְ
יט רְחַבְעָם הִתְאַמֵּץ לַעֲלוֹת בַּמֶּרְכָּבָה לָנוּס יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּפְשְׁעוּ
כ יִשְׂרָאֵל בְּבֵית דָּוִד עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ כָּל־
יִשְׂרָאֵל כִּי־שָׁב יָרָבְעָם וַיִּשְׁלְחוּ וַיִּקְרְאוּ אֹתוֹ אֶל־הָעֵדָה
וַיַּמְלִיכוּ אֹתוֹ עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל לֹא הָיָה אַחֲרֵי בֵית־דָּוִד
כא זוּלָתִי שֵׁבֶט־יְהוּדָה לְבַדּוֹ׃ וַיָּבֹאוּ רְחַבְעָם יְרוּשָׁלִַם
וַיַּקְהֵל אֶת־כָּל־בֵּית יְהוּדָה וְאֶת־שֵׁבֶט בִּנְיָמִן מֵאָה
וּשְׁמֹנִים אֶלֶף בָּחוּר עֹשֵׂה מִלְחָמָה לְהִלָּחֵם עִם־בֵּית
יִשְׂרָאֵל לְהָשִׁיב אֶת־הַמְּלוּכָה לִרְחַבְעָם בֶּן־שְׁלֹמֹה׃
כב וַיְהִי דְּבַר הָאֱלֹהִים אֶל־שְׁמַעְיָה אִישׁ־הָאֱלֹהִים לֵאמֹר׃
כג אֱמֹר אֶל־רְחַבְעָם בֶּן־שְׁלֹמֹה מֶלֶךְ יְהוּדָה וְאֶל־כָּל־בֵּית
כד יְהוּדָה וּבִנְיָמִין וְיֶתֶר הָעָם לֵאמֹר׃ כֹּה אָמַר יְהוָה לֹא־
תַעֲלוּ וְלֹא־תִלָּחֲמוּן עִם־אֲחֵיכֶם בְּנֵי־יִשְׂרָאֵל שׁוּבוּ אִישׁ
לְבֵיתוֹ כִּי מֵאִתִּי נִהְיָה הַדָּבָר הַזֶּה וַיִּשְׁמְעוּ אֶת־דְּבַר

כא׳ ויבא קרי

18 און דער מלך רחַבעָם האָט אַרויסגעשיקט אַדוֹרָמען וואָס איבער דעם צינז, און גאַנץ ישׂראל האָבן אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער, און ער איז געשטאָרבן. און דער מלך רחַבעָם האָט זיך געאײַלט אַרויפצוגיין אויף זיין רייטוואָגן, צו אַנטלויפן קיין ירוּשָלַיִם.

19 און ישׂראל האָט ווידערשפעניקט אַן דעם הויז פון דוד ביז אויף היינטיקן טאָג.

20 און עס איז געווען, ווי גאַנץ ישׂראל האָט געהערט, אַז יָרָבעָם האָט זיך אומגעקערט, אַזוי האָבן זיי געשיקט און אים גערופן צו דער איינזאַמלונג, און זיי האָבן אים געמאַכט פאַר אַ מלך איבער גאַנץ ישׂראל. קיינער איז ניט געבליבן הינטער דעם הויז פון דוד, אַחוץ שבט יהודה אַליין.

21 און רחַבעָם איז געקומען קיין ירוּשָלַיִם, און ער האָט איינגעזאַמלט דאָס גאַנצע הויז פון יהודה, און שבט בנימין, הונדערט און אַכציק טויזנט געקליבענע קריגסלייט, מלחמה צו האַלטן מיט דעם הויז פון ישׂראל, כּדי אומצוקערן די מלוכה צו רחַבעָם דעם זון פון שלמהן.

22 איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו שמַעיָה דעם געטלעכן מאַן, אַזוי צו זאָגן: 23 זאָג צו רחַבעָם דעם זון פון שלמהן, דעם מלך פון יהודה, און צו דעם גאַנצן הויז פון יהודה און בנימין, און דעם איבעריקן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: 24 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איר זאָלט ניט אַרויפגיין, און איר זאָלט ניט מלחמה האַלטן מיט אייערע ברידער, די קינדער פון ישׂראל. קערט אייך אום איטלעכער צו זיין הויז, וואָרום פון מיר איז געשען דידאָזיקע זאַך.

כה יהוה וישבו ללכת כדבר יהוה׃ ויבן ירבעם את־
שכם בהר אפרים וישב בה ויצא משם ויבן את־פנואל׃
כו ויאמר ירבעם בלבו עתה תשוב הממלכה לבית־דוד׃
כז אם־יעלה ׀ העם הזה לעשות זבחים בבית־יהוה בירושלם
ושב לב העם הזה אל־אדניהם אל־רחבעם מלך יהודה
כח והרגני ושבו אל־רחבעם מלך־יהודה׃ ויועץ המלך
ויעש שני עגלי זהב ויאמר אלהם רב־לכם מעלות
ירושלם הנה אלהיך ישראל אשר העלוך מארץ מצרים׃
כט ל וישם את־האחד בבית־אל ואת־האחד נתן בדן׃ ויהי
לא הדבר הזה לחטאת וילכו העם לפני האחד עד־דן׃ ויעש
את־בית במות ויעש כהנים מקצות העם אשר לא־היו
לב מבני לוי׃ ויעש ירבעם ׀ חג בחדש השמיני בחמשה־
עשר יום ׀ לחדש כחג ׀ אשר ביהודה ויעל על־המזבח
כן עשה בבית־אל לזבח לעגלים אשר־עשה והעמיד
לג בבית אל את־כהני הבמות אשר עשה׃ ויעל על־המזבח ׀
אשר־עשה בבית־אל בחמשה עשר יום בחדש השמיני
בחדש אשר־בדא מלבד* ויעש חג לבני ישראל ויעל
על־המזבח להקטיר׃

יג

א והנה ׀ איש אלהים בא מיהודה בדבר יהוה אל־בית־אל
ב וירבעם עמד על־המזבח להקטיר׃ ויקרא על־המזבח
בדבר יהוה ויאמר מזבח מזבח כה אמר יהוה הנה־בן
נולד לבית־דוד יאשיהו שמו וזבח עליך את־כהני
הבמות המקטרים עליך ועצמות אדם ישרפו עליך׃
ג ונתן ביום ההוא מופת לאמר זה המופת אשר דבר
יהוה הנה המזבח נקרע ונשפך הדשן אשר־עליו׃
ד ויהי כשמע המלך את־דבר איש־האלהים אשר קרא

לג׳ מלבו ק

און זיי האָבן צוגעהערט דאָס וואָרט פֿון גאָט, און זיינען אַוועקגעגאַנגען צוריק, אַזוי ווי דאָס וואָרט פֿון גאָט.

25 און יָרָבעָם האָט אַרומגעבויט שכֶם אין דעם געבערג פֿון אפרים, און האָט זיך אין איר באַזעצט. און ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דאָרטן, און האָט אַרומגעבויט פּנוּאֵל.

26 און יָרָבעָם האָט געזאָגט ביי זיך אין האַרצן: אַצונד וועט די מלוכה זיך אומקערן צו דעם הויז פֿון דוד. 27 אויב דאָסדאָזיקע פֿאָלק וועט אַרויפֿגיין צו מאַכן שלאַכטאָפּפֿער אין דעם הויז פֿון גאָט אין ירושָלַיִם, וועט דאָס האַרץ פֿון דעמדאָזיקן פֿאָלק זיך אומקערן צו זייער האַר, צו רחַבעָם דעם מלך פֿון יהודה, און זיי וועלן מיך הרגען, און וועלן זיך אומקערן צו רחַבעָם דעם מלך פֿון יהודה.

28 האָט דער מלך זיך באַקלערט, און האָט געמאַכט צוויי גילדערנע קעלבער; און ער האָט צו זיי געזאָגט: גענוג אײַך אַרויפֿגיין קיין ירושָלַיִם! אָט זיינען דיינע געטער, ישׂראל, וואָס האָבן דיך אויפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם. 29 און ער האָט איינס אַוועקגעשטעלט אין בֵּית־אֵל, און איינס האָט ער אַוועקגעשטעלט אין דָן. 30 און דידאָזיקע זאַך איז געוואָרן פֿאַר אַ זינד; און דאָס פֿאָלק איז געגאַנגען צו איינעם ביז קיין דָן. 31 און ער האָט געמאַכט הייזער פֿון בָמות, און האָט געמאַכט כֹּהנים פֿון צווישן דעם פֿאָלק וואָס זיינען ניט געווען פֿון די קינדער פֿון לֵוִי. 32 און יָרָבעָם האָט געמאַכט אַ יָום־טוב אין אַכטן חודש, אין פֿופֿצנטן טאָג פֿון חודש, אַזוי ווי דער יָום־טוב וואָס אין יהודה, און ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן מזבח. אַזוי האָט ער געטאָן אין בֵּית־אֵל, כּדי צו שלאַכטן צו די קעלבער וואָס ער האָט געמאַכט; און ער האָט געשטעלט אין בֵּית־אֵל די כֹּהנים פֿון די בָמות וואָס ער האָט געמאַכט. 33 און ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף דעם מזבח וואָס ער האָט געמאַכט אין בֵּית־אֵל, אין פֿופֿצנטן טאָג פֿון אַכטן חודש, אין דעם חודש וואָס ער האָט אויסגעקלערט פֿון זיין האַרצן; און ער האָט געמאַכט אַ יָום־טוב ביי די קינדער פֿון ישׂראל, און ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויפֿן מזבח צו דעמפֿן.

## יג

1 ערשט אַ געטלעכער מאַן איז אָנגעקומען פֿון יהודה דורך דעם וואָרט פֿון גאָט קיין בֵּית־אֵל, ווען יָרָבעָם איז געשטאַנען אויפֿן מזבח צו דעמפֿן. 2 און ער האָט אויסגערופֿן צום מזבח דורך דעם וואָרט פֿון גאָט, און האָט געזאָגט:

מזבח! מזבח! אַזוי האָט גאָט געזאָגט:
זע, אַ זון ווערט געבאָרן דעם הויז פֿון דוד—
יֹאשִיָהו וועט זיין נאָמען זיין,
און ער וועט שעכטן אויף דיר
די כֹּהנים פֿון די בָמות וואָס דעמפֿן אויף דיר;
און ביינער פֿון מענטשן וועט מען פֿאַרברענען אויף דיר.

3 און ער האָט געגעבן אין יענעם טאָג אַ צייכן, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז דער צייכן וואָס גאָט האָט געזאָגט: **זע, דער מזבח** ווערט צעריסן, און די אַש וואָס אויף אים וועט זיך אויסשיטן.

4 און עס איז געווען, ווי דער מלך האָט געהערט דאָס וואָרט פֿון דעם געטלעכן מאַן וואָס ער האָט אויסגערופֿן

צום מזבח אין בֵּית־אֵל, אַזוי האָט יָרָבעָם אויסגעשטרעקט זיין האַנט פון מזבח, אַזוי צו זאָגן: כאַפּט אים. און זיין האַנט וואָס ער האָט אויסגעשטרעקט אויף אים, איז אײַנגעדאַרט געוואָרן, און ער האָט זי ניט געקענט אומקערן צו זיך. 5 און דער מזבח איז צעריסן געוואָרן, און די אַש האָט זיך אויסגעשאָטן פון מזבח, אַזוי ווי דער צייכן וואָס דער געטלעכער מאַן האָט געגעבן דורך דעם וואָרט פון גאָט.

6 האָט דער מלך זיך אָפּגערופן און האָט געזאָגט צום געטלעכן מאַן: בעט אַקאָרשט בײַ יהוה דיין גאָט, און זײַ מתפלל פאַר מיר, אַז מיין האַנט זאָל זיך אומקערן צו מיר. האָט דער געטלעכער מאַן געבעטן בײַ גאָט, און די האַנט פון דעם מלך האָט זיך אומגעקערט, און איז געוואָרן אַזוי ווי פריער.

7 האָט דער מלך געזאָגט צום געטלעכן מאַן: קום מיט מיר אַהיים, און דערקוויק זיך, און איך וועל דיר געבן אַ מתנה. 8 האָט דער געטלעכער מאַן געזאָגט צום מלך: ווען דו זאָלסט מיר געבן אַ האַלב הויז דיינס, וועל איך ניט גיין מיט דיר, און וועל ניט עסן קיין ברויט און ניט טרינקען קיין וואַסער אין דעמדאָזיקן אָרט. 9 וואָרום אַזוי האָט מען מיר באַפוילן דורך דעם וואָרט פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: זאָלסט ניט עסן קיין ברויט און ניט טרינקען קיין וואַסער, און זאָלסט זיך ניט אומקערן אויף דעם וועג וואָס דו ביסט געגאַנגען.

עַל־הַמִּזְבֵּחַ בְּבֵית־אֵל וַיִּשְׁלַח יָרָבְעָם אֶת־יָדוֹ מֵעַל
הַמִּזְבֵּחַ לֵאמֹר ׀ תִּפְשֻׂהוּ וַתִּיבַשׁ יָדוֹ אֲשֶׁר שָׁלַח עָלָיו
ה וְלֹא יָכֹל לַהֲשִׁיבָהּ אֵלָיו׃ וְהַמִּזְבֵּחַ נִקְרָע וַיִּשָּׁפֵךְ הַדֶּשֶׁן
מִן־הַמִּזְבֵּחַ כַּמּוֹפֵת אֲשֶׁר נָתַן אִישׁ הָאֱלֹהִים בִּדְבַר יְהוָה׃
ו וַיַּעַן הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר ׀ אֶל־אִישׁ הָאֱלֹהִים חַל־נָא אֶת־פְּנֵי
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְהִתְפַּלֵּל בַּעֲדִי וְתָשֹׁב יָדִי אֵלָי וַיְחַל אִישׁ־
הָאֱלֹהִים אֶת־פְּנֵי יְהוָה וַתָּשָׁב יַד־הַמֶּלֶךְ אֵלָיו וַתְּהִי
ז כְּבָרִאשֹׁנָה׃ וַיְדַבֵּר הַמֶּלֶךְ אֶל־אִישׁ הָאֱלֹהִים בֹּאָה־אִתִּי
ח הַבַּיְתָה וּסְעָדָה וְאֶתְּנָה לְךָ מַתָּת׃ וַיֹּאמֶר אִישׁ־הָאֱלֹהִים
אֶל־הַמֶּלֶךְ אִם־תִּתֶּן־לִי אֶת־חֲצִי בֵיתֶךָ לֹא אָבֹא עִמָּךְ וְלֹא־
ט אֹכַל לֶחֶם וְלֹא אֶשְׁתֶּה־מַּיִם בַּמָּקוֹם הַזֶּה׃ כִּי־כֵן ׀ צִוָּה
אֹתִי בִּדְבַר יְהוָה לֵאמֹר לֹא־תֹאכַל לֶחֶם וְלֹא תִשְׁתֶּה־
י מָּיִם וְלֹא תָשׁוּב בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלָכְתָּ׃ וַיֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ אַחֵר
יא וְלֹא־שָׁב בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר בָּא בָהּ אֶל־בֵּית־אֵל׃ וְנָבִיא
אֶחָד זָקֵן יֹשֵׁב בְּבֵית־אֵל וַיָּבוֹא בְנוֹ וַיְסַפֶּר־לוֹ אֶת־כָּל־
הַמַּעֲשֶׂה אֲשֶׁר־עָשָׂה אִישׁ־הָאֱלֹהִים ׀ הַיּוֹם בְּבֵית־אֵל אֶת־
הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיְסַפְּרוּם לַאֲבִיהֶם׃
יב וַיְדַבֵּר אֲלֵהֶם אֲבִיהֶם אֵי־זֶה הַדֶּרֶךְ הָלָךְ וַיִּרְאוּ בָנָיו
אֶת־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר הָלַךְ אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר־בָּא מִיהוּדָה׃
יג וַיֹּאמֶר אֶל־בָּנָיו חִבְשׁוּ־לִי הַחֲמוֹר וַיַּחְבְּשׁוּ־לוֹ הַחֲמוֹר
יד וַיִּרְכַּב עָלָיו׃ וַיֵּלֶךְ אַחֲרֵי אִישׁ הָאֱלֹהִים וַיִּמְצָאֵהוּ יֹשֵׁב
תַּחַת הָאֵלָה וַיֹּאמֶר אֵלָיו הַאַתָּה אִישׁ־הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר־
טו בָּאתָ מִיהוּדָה וַיֹּאמֶר אָנִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו לֵךְ אִתִּי הַבָּיְתָה
טז וֶאֱכֹל לָחֶם׃ וַיֹּאמֶר לֹא אוּכַל לָשׁוּב אִתָּךְ וְלָבוֹא אִתָּךְ
וְלֹא־אֹכַל לֶחֶם וְלֹא־אֶשְׁתֶּה אִתְּךָ מַיִם בַּמָּקוֹם הַזֶּה׃
יז כִּי־דָבָר אֵלַי בִּדְבַר יְהוָה לֹא־תֹאכַל לֶחֶם וְלֹא־תִשְׁתֶּה
יח שָׁם מָיִם לֹא־תָשׁוּב לָלֶכֶת בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־הָלַכְתָּ בָּהּ׃ וַיֹּאמֶר

ה׳ קמץ בז״ק ז׳ הס׳ בחטף קמץ

10 און ער איז אַוועקגעגאַנגען מיט אַן אַנדער וועג, און האָט זיך ניט אומגעקערט מיט דעם וועג וואָס ער איז אויף אים געקומען קיין בֵּית־אֵל.

11 און איינער אַן אַלטער נביא איז געזעסן אין בֵּית־אֵל; איז געקומען איינער פון זיינע זין, און האָט אים דערציילט די גאַנצע טואונג וואָס דער געטלעכער מאַן האָט געטאָן דעם טאָג אין בֵּית־אֵל, און די ווערטער וואָס ער האָט גערעדט צום מלך. און ווי זיי האָבן עס דערציילט זייער פאָטער, 12 אַזוי האָט זייער פאָטער צו זיי געזאָגט: וואָסער וועג איז ער געגאַנגען? און זיינע זין האָבן געזען דעם וועג וואָס דער געטלעכער מאַן וואָס איז געקומען פון יהודה, איז געגאַנגען. 13 האָט ער געזאָגט צו זיינע זין: זאָטלט מיר אָן דעם אייזל.

האָבן זיי אים אָנגעזאָטלט דעם אייזל, און ער איז אַוועקגעריטן אויף אים. 14 און ער איז געגאַנגען נאָך דעם געטלעכן מאַן, און האָט אים געפונען זיצנדיק אונטער אַן אייכנבוים, און ער האָט צו אים געזאָגט: ביסט דו דער געטלעכער מאַן וואָס איז געקומען פון יהודה? האָט ער געזאָגט: איך. 15 האָט ער צו אים געזאָגט: קום מיט מיר אַהיים, און עס ברויט. 16 האָט ער צו אים געזאָגט: איך קען זיך ניט אומקערן מיט דיר און קומען צו דיר, און איך וועל ניט עסן קיין ברויט און ניט טרינקען קיין וואַסער בײַ דיר אין דעמדאָזיקן אָרט. 17 וואָרום אַן אָנזאָג האָב איך דורך דעם וואָרט פון גאָט: זאָלסט ניט עסן קיין ברויט און ניט טרינקען דאָרטן קיין וואַסער, און זאָלסט זיך ניט אומקערן צו גיין מיט דעם וועג וואָס דו ביסט אויף אים געגאַנגען. 18 האָט ער צו אים געזאָגט: איך בין אויך אַ נביא אַזוי ווי דו, און אַ מלאך

לוֹ גַּם־אֲנִי נָבִיא כָּמוֹךָ וּמַלְאָךְ דִּבֶּר אֵלַי בִּדְבַר יְהוָה
לֵאמֹר הֲשִׁבֵהוּ אִתְּךָ אֶל־בֵּיתֶךָ וְיֹאכַל לֶחֶם וְיֵשְׁתְּ מָיִם
כִּחֵשׁ לוֹ׃ וַיָּשָׁב אִתּוֹ וַיֹּאכַל לֶחֶם בְּבֵיתוֹ וַיֵּשְׁתְּ מָיִם׃ יט
וַיְהִי הֵם יֹשְׁבִים אֶל־הַשֻּׁלְחָן · וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה כ
אֶל־הַנָּבִיא אֲשֶׁר הֱשִׁיבוֹ׃ וַיִּקְרָא אֶל־אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר־ כא
בָּא מִיהוּדָה לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה יַעַן כִּי מָרִיתָ פִּי
יְהוָה וְלֹא שָׁמַרְתָּ אֶת־הַמִּצְוָה אֲשֶׁר צִוְּךָ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ׃
וַתָּשָׁב וַתֹּאכַל לֶחֶם וַתֵּשְׁתְּ מַיִם בַּמָּקוֹם אֲשֶׁר דִּבֶּר אֵלֶיךָ כב
אַל־תֹּאכַל לֶחֶם וְאַל־תֵּשְׁתְּ מָיִם לֹא־תָבוֹא נִבְלָתְךָ אֶל־
קֶבֶר אֲבֹתֶיךָ׃ וַיְהִי אַחֲרֵי אָכְלוֹ לֶחֶם וְאַחֲרֵי שְׁתוֹתוֹ כג
וַיַּחֲבָשׁ־לוֹ הַחֲמוֹר לַנָּבִיא אֲשֶׁר הֱשִׁיבוֹ׃ וַיֵּלֶךְ וַיִּמְצָאֵהוּ כד
אַרְיֵה בַּדֶּרֶךְ וַיְמִיתֵהוּ וַתְּהִי נִבְלָתוֹ מֻשְׁלֶכֶת בַּדֶּרֶךְ וְהַחֲמוֹר
עֹמֵד אֶצְלָהּ וְהָאַרְיֵה עֹמֵד אֵצֶל הַנְּבֵלָה׃ וְהִנֵּה אֲנָשִׁים כה
עֹבְרִים וַיִּרְאוּ אֶת־הַנְּבֵלָה מֻשְׁלֶכֶת בַּדֶּרֶךְ וְאֶת־הָאַרְיֵה
עֹמֵד אֵצֶל הַנְּבֵלָה וַיָּבֹאוּ וַיְדַבְּרוּ בָעִיר אֲשֶׁר הַנָּבִיא
הַזָּקֵן יֹשֵׁב בָּהּ׃ וַיִּשְׁמַע הַנָּבִיא אֲשֶׁר הֱשִׁיבוֹ מִן־הַדֶּרֶךְ כו
וַיֹּאמֶר אִישׁ הָאֱלֹהִים הוּא אֲשֶׁר מָרָה אֶת־פִּי יְהוָה
וַיִּתְּנֵהוּ יְהוָה לָאַרְיֵה וַיִּשְׁבְּרֵהוּ וַיְמִתֵהוּ כִּדְבַר יְהוָה
אֲשֶׁר דִּבֶּר־לוֹ׃ וַיְדַבֵּר אֶל־בָּנָיו לֵאמֹר חִבְשׁוּ־לִי אֶת־ כז
הַחֲמוֹר וַיַּחֲבֹשׁוּ׃ וַיֵּלֶךְ וַיִּמְצָא אֶת־נִבְלָתוֹ מֻשְׁלֶכֶת בַּדֶּרֶךְ כח
וַחֲמוֹר וְהָאַרְיֵה עֹמְדִים אֵצֶל הַנְּבֵלָה לֹא־אָכַל הָאַרְיֵה
אֶת־הַנְּבֵלָה וְלֹא שָׁבַר אֶת־הַחֲמוֹר׃ וַיִּשָּׂא הַנָּבִיא אֶת־ כט
נִבְלַת אִישׁ־הָאֱלֹהִים וַיַּנִּחֵהוּ אֶל־הַחֲמוֹר וַיְשִׁיבֵהוּ וַיָּבֹא
אֶל־עִיר הַנָּבִיא הַזָּקֵן לִסְפֹּד וּלְקָבְרוֹ׃ וַיַּנַּח אֶת־נִבְלָתוֹ ל
בְּקִבְרוֹ וַיִּסְפְּדוּ עָלָיו הוֹי אָחִי׃ וַיְהִי אַחֲרֵי קָבְרוֹ אֹתוֹ לא
וַיֹּאמֶר אֶל־בָּנָיו לֵאמֹר בְּמוֹתִי וּקְבַרְתֶּם אֹתִי בַּקֶּבֶר אֲשֶׁר
אִישׁ הָאֱלֹהִים קָבוּר בּוֹ אֵצֶל עַצְמֹתָיו הַנִּיחוּ אֶת־עַצְמֹתָי׃

---

כ׳ פסקא באמצע פסוק

האָט גערעדט צו מיר דורך דעם וואָרט פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: קער אים אום מיט דיר אין דיין הויז, און ער זאָל עסן ברויט און טרינקען וואַסער. ליגן האָט ער אים געזאָגט.

[19] האָט ער זיך אומגעקערט מיט אים, און ער האָט געגעסן ברויט אין זיין הויז, און געטרונקען וואַסער. [20] און עס איז געווען, ווי זיי זיצן ביים טיש, אַזוי איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו דעם נביא וואָס האָט אים אומגעקערט. [21] און ער האָט אויסגערופן צו דעם געטלעכן מאַן וואָס איז געקומען פון יהודה, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: ווייל דו האָסט ווידערשפּעניקט דעם מויל פון גאָט, און האָסט ניט געהיט דעם באַפעל וואָס יהוה דיין גאָט האָט דיר באַפוילן, [22] און האָסט זיך אומגעקערט, און געגעסן ברויט און געטרונקען וואַסער אין דעם אָרט וואָס ער האָט דיר אָנגעזאָגט: זאָלסט ניט עסן קיין ברויט און ניט טרינקען קיין וואַסער—וועט דיין טויטער לייב ניט קומען צו דעם קבר פון דיינע עלטערן.

[23] און עס איז געווען, נאָכדעם ווי ער האָט געגעסן ברויט, און נאָכדעם ווי ער האָט געטרונקען, האָט ער אָנגעזאָטלט דעם אייזל פאַר אים—פאַר דעם נביא וואָס ער האָט אים אומגעקערט. [24] און ער איז אַוועקגעגאַנגען, און אַ לייב האָט אים אָנגעטראָפן אין וועג, און האָט אים געטייט; און זיין טויטער לייב איז געלעגן אַוועקגעוואָרפן אויפן וועג, און דער אייזל איז געשטאַנען לעבן אים; אויך דער לייב איז געשטאַנען לעבן דעם טויטן לייב. [25] ערשט מענטשן זיינען פאַרבייגעגאַנגען, און האָבן געזען דעם טויטן לייב אַוועקגעוואָרפן אויפן וועג, און דעם לייב שטייענדיק לעבן דעם טויטן לייב; זיינען זיי געקומען און האָבן דער־ציילט אין דער שטאָט וואָס דער אַלטער נביא איז אין איר געזעסן. [26] האָט דערהערט דער נביא וואָס האָט אים אומ־געקערט פון וועג, און ער האָט געזאָגט: דאָס איז דער געטלעכער מאַן וואָס האָט ווידערשפּעניקט דעם מויל פון גאָט, און גאָט האָט אים איבערגעגעבן צום לייב, און ער האָט אים צעריסן און אים געטייט, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט צו אים גערעדט.

[27] און ער האָט געהייסן זיינע זין, אַזוי צו זאָגן: זאָטלט מיר אָן דעם אייזל. האָבן זיי אָנגעזאָטלט. [28] און ער איז געגאַנגען און האָט געפונען זיין טויטן לייב אַוועקגעוואָרפן אויפן וועג, און דער אייזל און דער לייב שטייען לעבן דעם טויטן לייב. ניט דער לייב האָט געגעסן דעם טויטן לייב, און ניט ער האָט צעריסן דעם אייזל.

[29] האָט דער נביא אויפגעהויבן דעם טויטן לייב פון דעם געטלעכן מאַן, און האָט אים אַרויפגעלייגט אויפן אייזל, און האָט אים צוריקגעפירט; און ער איז געקומען אין דער שטאָט פון דעם אַלטן נביא, צו באַקלאָגן און אים צו באַ־גראָבן. [30] און ער האָט געלייגט זיין טויטן לייב אין זיין אייגענעם קבר, און מע האָט געקלאָגט אויף אים: ווי, מיין ברודער!

[31] און עס איז געווען, נאָכדעם אַז ער האָט אים באַגראָבן, האָט ער אָנגעזאָגט זיינע זין, אַזוי צו זאָגן: אַז איך שטאַרב, זאָלט איר מיך באַגראָבן אין דעם קבר וואָס דער געטלעכער מאַן איז אין אים באַגראָבן; לעבן זיינע ביינער לייגט מיינע

בײַנער. 32 וואָרום געשען וועט געשען דאָס וואָרט וואָס ער האָט אויסגערופן דורך דעם וואָרט פון גאָט איבער דעם מזבח וואָס אין בית־אל, און איבער אַלע הײַזער פון די בָמות וואָס אין די שטעט פון שומרון.

33 נאָך דערדאָזיקער געשעעניש האָט זיך יָרָבעָם ניט אָפּגעקערט פון זײַן שלעכטן וועג, און ער האָט ווידער געמאַכט פון צווישן פאָלק כֹּהנים פון בָמות. ווער עס האָט געוואָלט, פלעגט ער דערפילן זײַן האַנט, ער זאָל ווערן פון די כֹּהנים פון די בָמות. 34 און דורך דערדאָזיקער זאַך איז געווען אַ זינד אויף דעם הויז פון יָרָבעָם; כּדי עס אויסצוראָטן און פאַרטיליקן פון געזיכט פון דער ערד.

# יד

1 אין יענער צײַט איז קראַנק געוואָרן אַבִיָה דער זון פון יָרָבעָמען. 2 האָט יָרָבעָם געזאָגט צו זײַן ווײַב: שטיי אויף, איך בעט דיך, און פאַרשטעל זיך, מע זאָל ניט דערקענען אַז דו ביסט יָרָבעָמס ווײַב, און זאָלסט גיין קיין שילו. זע, דאָרטן איז אַחִיָה דער נביא, דער וואָס האָט געזאָגט אויף מיר, אַז איך וועל ווערן אַ מלך איבער דעמדאָזיקן פאָלק. 3 און זאָלסט נעמען מיט דיר צען ברויטן, און קיכלעך, און אַ קרוג האָניק, און קומען צו אים; ער וועט דיר זאָגן וואָס וועט זײַן מיטן ייִנגל.

4 האָט יָרָבעָמס ווײַב אַזוי געטאָן, און זי איז אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען קיין שילו, און זי איז געקומען אין אַחִיָהס הויז; און אַחִיָהו האָט ניט געקענט זען, וואָרום זײַנע אויגן זײַנען געווען שטאַר פון זײַן זקנה. 5 אָבער גאָט האָט אָנגעזאָגט אַחִיָהון: זע, יָרָבעָמס ווײַב קומט פרעגן בײַ דיר אַ באַשייד וועגן איר זון, וואָרום ער איז קראַנק; זאָלסטו אַזוי און אַזוי רעדן צו איר. און עס וועט זײַן, אַז זי קומט, וועט זי זיך שטעלן פרעמד.

6 און עס איז געווען, ווי אַחִיָהו האָט געהערט דעם שאָרך פון אירע פיס, ווען זי איז אַרײַנגעקומען אין טיר, אַזוי האָט ער געזאָגט: קום אַרײַן, יָרָבעָמס ווײַב, נאָך וואָס דען שטעלסטו זיך פרעמד, אַז איך בין געשיקט צו דיר מיט אַ שווערער בשורה? 7 גיי זאָג צו יָרָבעָמען: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: ווײַל איך האָב דיך דערהויבן פון צווישן דעם פאָלק, און האָב דיך געמאַכט פאַר אַ פירשט איבער מײַן פאָלק ישראל; 8 און איך האָב אַוועקגעריסן די מלוכה פון דעם הויז פון דוד, און האָב זי דיר געגעבן; און דו ביסט ניט געווען אַזוי ווי מײַן קנעכט דוד, וואָס האָט געהיט מײַנע געבאָט, און וואָס איז געגאַנגען נאָך מיר מיט זײַן גאַנצן האַרצן, צו טאָן נאָר וואָס איז רעכטפאַרטיק אין מײַנע אויגן; 9 און האָסט געטאָן ערגער ווי אַלע וואָס זײַנען געווען פאַר דיר, און ביסט געגאַנגען און האָסט דיר געמאַכט פרעמדע געטער, און געגאָסענע געצן, מיך צו דערצערענען, און מיך האָסטו אַוועקגעוואָרפן הינטער דײַן רוקן— 10 דרום זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף יָרָבעָמס הויז, און איך וועל פאַרשנײַדן פון יָרָבעָמען יעטוועדער

לב כִּי הָיֹה יִהְיֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר קָרָא בִּדְבַר יְהוָה עַל־הַמִּזְבֵּחַ
אֲשֶׁר בְּבֵית־אֵל וְעַל כָּל־בָּתֵּי הַבָּמוֹת אֲשֶׁר בְּעָרֵי שֹׁמְרוֹן׃
לג אַחַר הַדָּבָר הַזֶּה לֹא־שָׁב יָרָבְעָם מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה וַיָּשָׁב
וַיַּעַשׂ מִקְצוֹת הָעָם כֹּהֲנֵי בָמוֹת הֶחָפֵץ יְמַלֵּא אֶת־יָדוֹ וִיהִי
לד כֹּהֲנֵי בָמוֹת׃ וַיְהִי בַּדָּבָר הַזֶּה לְחַטַּאת בֵּית יָרָבְעָם
וּלְהַכְחִיד וּלְהַשְׁמִיד מֵעַל פְּנֵי הָאֲדָמָה׃

יד

א ב בָּעֵת הַהִיא חָלָה אֲבִיָּה בֶן־יָרָבְעָם׃ וַיֹּאמֶר יָרָבְעָם
לְאִשְׁתּוֹ קוּמִי נָא וְהִשְׁתַּנִּית וְלֹא יֵדְעוּ כִּי־אַתְּי אֵשֶׁת
יָרָבְעָם וְהָלַכְתְּ שִׁלֹה הִנֵּה־שָׁם אֲחִיָּה הַנָּבִיא הוּא־דִבֶּר
ג עָלַי לְמֶלֶךְ עַל־הָעָם הַזֶּה׃ וְלָקַחַתְּ בְּיָדֵךְ עֲשָׂרָה לֶחֶם
וְנִקֻּדִים וּבַקְבֻּק דְּבַשׁ וּבָאת אֵלָיו הוּא יַגִּיד לָךְ מַה־יִּהְיֶה
ד לַנָּעַר׃ וַתַּעַשׂ כֵּן אֵשֶׁת יָרָבְעָם וַתָּקָם וַתֵּלֶךְ שִׁלֹה וַתָּבֹא
בֵּית אֲחִיָּה וַאֲחִיָּהוּ לֹא־יָכֹל לִרְאוֹת כִּי קָמוּ עֵינָיו מִשֵּׂיבוֹ׃
ה וַיהוָה אָמַר אֶל־אֲחִיָּהוּ הִנֵּה אֵשֶׁת יָרָבְעָם בָּאָה
לִדְרֹשׁ דָּבָר מֵעִמְּךָ אֶל־בְּנָהּ כִּי־חֹלֶה הוּא כָּזֹה וְכָזֶה
ו תְּדַבֵּר אֵלֶיהָ וִיהִי כְבֹאָהּ וְהִיא מִתְנַכֵּרָה׃ וַיְהִי כִשְׁמֹעַ
אֲחִיָּהוּ אֶת־קוֹל רַגְלֶיהָ בָּאָה בַפֶּתַח וַיֹּאמֶר בֹּאִי אֵשֶׁת
יָרָבְעָם לָמָּה זֶּה אַתְּ מִתְנַכֵּרָה וְאָנֹכִי שָׁלוּחַ אֵלַיִךְ קָשָׁה׃
ז לְכִי אִמְרִי לְיָרָבְעָם כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל יַעַן
אֲשֶׁר הֲרִימֹתִיךָ מִתּוֹךְ הָעָם וָאֶתֶּנְךָ נָגִיד עַל עַמִּי יִשְׂרָאֵל׃
ח וָאֶקְרַע אֶת־הַמַּמְלָכָה מִבֵּית דָּוִד וָאֶתְּנֶהָ לָךְ וְלֹא־הָיִיתָ
כְּעַבְדִּי דָוִד אֲשֶׁר שָׁמַר מִצְוֹתַי וַאֲשֶׁר־הָלַךְ אַחֲרַי בְּכָל־
ט לְבָבוֹ לַעֲשׂוֹת רַק הַיָּשָׁר בְּעֵינָי׃ וַתָּרַע לַעֲשׂוֹת מִכֹּל
אֲשֶׁר־הָיוּ לְפָנֶיךָ וַתֵּלֶךְ וַתַּעֲשֶׂה־לְּךָ אֱלֹהִים אֲחֵרִים
י וּמַסֵּכוֹת לְהַכְעִיסֵנִי וְאֹתִי הִשְׁלַכְתָּ אַחֲרֵי גַוֶּךָ׃ לָכֵן הִנְנִי
מֵבִיא רָעָה אֶל־בֵּית יָרָבְעָם וְהִכְרַתִּי לְיָרָבְעָם מַשְׁתִּין

יד, ב׳ את ק׳

בְּקִיר עָצוּר וְעָזוּב בְּיִשְׂרָאֵל וּבִעַרְתִּי אַחֲרֵי בֵית־יָרָבְעָם
כַּאֲשֶׁר יְבַעֵר הַגָּלָל עַד־תֻּמּוֹ׃ הַמֵּת לְיָרָבְעָם בָּעִיר יֹאכְלוּ יא
הַכְּלָבִים וְהַמֵּת בַּשָּׂדֶה יֹאכְלוּ עוֹף הַשָּׁמָיִם כִּי יְהוָה
דִּבֵּר׃ וְאַתְּ קוּמִי לְכִי לְבֵיתֵךְ בְּבֹאָה רַגְלַיִךְ הָעִירָה וּמֵת יב
הַיָּלֶד׃ וְסָפְדוּ־לוֹ כָל־יִשְׂרָאֵל וְקָבְרוּ אֹתוֹ כִּי־זֶה לְבַדּוֹ יג
יָבֹא לְיָרָבְעָם אֶל־קָבֶר יַעַן נִמְצָא־בוֹ דָּבָר טוֹב אֶל־יְהוָה
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּבֵית יָרָבְעָם׃ וְהֵקִים יְהוָה לוֹ מֶלֶךְ עַל־ יד
יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר יַכְרִית אֶת־בֵּית יָרָבְעָם זֶה הַיּוֹם וּמֶה גַּם־
עָתָּה׃ וְהִכָּה יְהוָה אֶת־יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר יָנוּד הַקָּנֶה בַּמַּיִם טו
וְנָתַשׁ אֶת־יִשְׂרָאֵל מֵעַל הָאֲדָמָה הַטּוֹבָה הַזֹּאת אֲשֶׁר
נָתַן לַאֲבוֹתֵיהֶם וְזֵרָם מֵעֵבֶר לַנָּהָר יַעַן אֲשֶׁר עָשׂוּ אֶת־
אֲשֵׁרֵיהֶם מַכְעִיסִים אֶת־יְהוָה׃ וְיִתֵּן אֶת־יִשְׂרָאֵל בִּגְלַל טז
חַטֹּאות יָרָבְעָם אֲשֶׁר חָטָא וַאֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
וַתָּקָם אֵשֶׁת יָרָבְעָם וַתֵּלֶךְ וַתָּבֹא תִרְצָתָה הִיא בָּאָה בְסַף־ יז
הַבַּיִת וְהַנַּעַר מֵת׃ וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ וַיִּסְפְּדוּ־לוֹ כָּל־יִשְׂרָאֵל יח
כִּדְבַר יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד־עַבְדּוֹ אֲחִיָּהוּ הַנָּבִיא׃ וְיֶתֶר יט
דִּבְרֵי יָרָבְעָם אֲשֶׁר נִלְחַם וַאֲשֶׁר מָלָךְ הִנָּם כְּתוּבִים עַל־
סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְהַיָּמִים אֲשֶׁר מָלַךְ כ
יָרָבְעָם עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה וַיִּשְׁכַּב עִם־אֲבֹתָיו וַיִּמְלֹךְ
נָדָב בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וּרְחַבְעָם בֶּן־שְׁלֹמֹה מָלַךְ בִּיהוּדָה כא
בֶּן־אַרְבָּעִים וְאַחַת שָׁנָה רְחַבְעָם בְּמָלְכוֹ וּשְׁבַע עֶשְׂרֵה
שָׁנָה ׀ מָלַךְ בִּירוּשָׁלַםִ הָעִיר אֲשֶׁר־בָּחַר יְהוָה לָשׂוּם
אֶת־שְׁמוֹ שָׁם מִכֹּל שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל וְשֵׁם אִמּוֹ נַעֲמָה
הָעַמֹּנִית׃ וַיַּעַשׂ יְהוּדָה הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיְקַנְאוּ אֹתוֹ כב
מִכֹּל אֲשֶׁר עָשׂוּ אֲבֹתָם בְּחַטֹּאתָם אֲשֶׁר חָטָאוּ׃ וַיִּבְנוּ גַם־ כג
הֵמָּה לָהֶם בָּמוֹת וּמַצֵּבוֹת וַאֲשֵׁרִים עַל כָּל־גִּבְעָה גְבֹהָה
וְתַחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן׃ וְגַם־קָדֵשׁ הָיָה בָאָרֶץ עָשׂוּ כְּכֹל כד

טז׳ מלא ו

מאַנספאַרשוין[א], קינד און קייט, צווישן ישׂראל, און וועל אויסראַמען יָרָבעָמס הויז אַזוי ווי מע ראַמט אויס קויט, ביז עס וועט פאַרלענדט ווערן. 11 דעם וואָס שטאַרבט פון יָרָבעָמען אין שטאָט, וועלן די הינט אויפעסן, און דעם וואָס שטאַרבט אין פעלד, וועלן די פויגלען פון הימל אויפעסן; וואָרום גאָט האָט גערעדט. 12 און דו שטיי אויף, גיי אַהיים; ווי דיינע פיס קומען אין שטאָט, אַזוי וועט דאָס קינד שטאַרבן. 13 און גאַנץ ישׂראל וועלן אים באַקלאָגן, און וועלן אים באַגראָבן; וואָרום בלויז דער־דאָזיקער פון יָרָבעָמען וועט קומען צו קבורה, ווייל אין אים איז געפונען געוואָרן עפּעס גוטס אַקעגן יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, אין יָרָבעָמס הויז. 14 און גאָט וועט זיך אויפשטעלן אַ מלך איבער ישׂראל, וואָס וועט פאַרשניידן יָרָבעָמס הויז יענעם טאָג. אָבער אַפילו דענסמאָל איז וואָס? 15 וואָרום גאָט וועט שלאָגן ישׂראל, אַזוי ווי אַ ראָר ווערט געטרייסלט אין וואַסער, און ער וועט אויסרייסן ישׂראל פון דער־דאָזיקער גוטער ערד וואָס ער האָט גע־געבן זייערע עלטערן, און ער וועט זיי צעשפּרייטן פון יענער זייט טייך, פאַרוואָס זיי האָבן געמאַכט זייערע געצנ־ביימער, דערצערענענדיק גאָט. 16 און ער וועט איבער־געבן ישׂראל פון וועגן די זינד פון יָרָבעָמען וואָס ער האָט געזינדיקט, און וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל.

17 און יָרָבעָמס ווייב איז אויפגעשטאַנען, און איז אַוועקגעגאַנגען און געקומען קיין תִּרְצָה; ווי זי איז גע־קומען אויף דעם שוועל פון הויז, אַזוי איז דאָס יינגל געשטאָרבן. 18 און גאַנץ ישׂראל האָבן אים באַגראָבן, און אים באַקלאָגט; אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט גערעדט דורך זיין קנעכט אֲחִיָּהוּ דעם נביא.

19 און די איבעריקע זאַכן וועגן יָרָבעָמען, ווי ער האָט מלחמה געהאַלטן, און ווי ער האָט געקיניגט, דאָס איז באַ־שריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון ישׂראל.

20 און די טעג וואָס יָרָבעָם האָט געקיניגט, זיינען געווען צוויי און צוואַנציק יאָר. און ער האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און זיין זון נָדָב איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

21 און רחַבעָם דער זון פון שלמהן האָט געקיניגט אין יהודה. איין און פערציק יאָר איז רחַבעָם אַלט געווען אַז ער איז געוואָרן מלך, און זיבעצן יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם, דער שטאָט וואָס גאָט האָט אויסדערוויילט פון אַלע שבטים אין ישׂראל, צו טאָן זיין נאָמען דאָרטן. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען נַעֲמָה די עַמוֹנית.

22 און יהודה האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און זיי האָבן אים דערצערנט מער ווי אַלץ וואָס זייערע עלטערן האָבן געטאָן, מיט זייערע זינד וואָס זיי האָבן געזינדיקט. 23 און זיי אויך האָבן זיך געבויט בָּמות, און זייל־שטיינער, און געצנביימער, אויף יעטוועדער הויכן בערגל, און אונטער יעטוועדער צווייגהאַפטיקן בוים. 24 און אויך

[א] אין טעקסט: מַשְׁתִּין בְּקִיר.

שאַנדמענער זיינען געווען אין לאַנד. זיי האָבן געטאָן אַזוי ווי אַלע אומווערדיקייטן פון די פעלקער וואָס גאָט האָט פאַרטריבן פון פאַר די קינדער פון ישראל.

25 און עס איז געווען אין פינפטן יאָר פון מלך רחבעם, איז שישק דער מלך פון מִצרַיִם אַרויפגעקומען אויף ירושָלַיִם. 26 און ער האָט צוגענומען די אוצרות פון גאָטס הויז, און די אוצרות פון מלכס הויז; אַלץ האָט ער צוגענומען. און ער האָט צוגענומען אַלע גילדערנע שילדן וואָס שלמה האָט געמאַכט. 27 און דער מלך רחבעם האָט געמאַכט אַנשטאָט זיי קופּערנע שילדן, און האָט זיי געגעבן אויף דער האַנט פון די הויפּטלייט פון די לויפערס וואָס האָבן געהיט דעם איינגאַנג פון מלכס הויז. 28 און עס איז געווען, ווען נאָר דער מלך פלעגט קומען אין גאָטס הויז, פלעגן די לויפערס זיי אַרויסטראָגן; דערנאָך פלעגן זיי זיי אומקערן אין דער קאַמער פון די לויפערס.

29 און די איבעריקע זאַכן וועגן רחבעמען, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון יהודה. 30 און אַ מלחמה איז געווען צווישן רחבעמען און צווישן יָרבעמען אַלע טעג.

31 און רחבעם האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן לעבן זיינע עלטערן אין דודס־שטאָט. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען נַעֲמָה די עַמונית. און זיין זון אֲבִיָם איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

הַתּוֹעֲבֹת הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הוֹרִישׁ יְהוָה מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
כה וַיְהִי בַּשָּׁנָה הַחֲמִישִׁית לַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם עָלָה שׁוּשַׁק מֶלֶךְ־
כו מִצְרַיִם עַל־יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּקַּח אֶת־אֹצְרוֹת בֵּית־יְהוָה וְאֶת־
אוֹצְרוֹת בֵּית הַמֶּלֶךְ וְאֶת־הַכֹּל לָקָח וַיִּקַּח אֶת־כָּל־מָגִנֵּי
כז הַזָּהָב אֲשֶׁר עָשָׂה שְׁלֹמֹה׃ וַיַּעַשׂ הַמֶּלֶךְ רְחַבְעָם תַּחְתָּם
מָגִנֵּי נְחֹשֶׁת וְהִפְקִיד עַל־יַד שָׂרֵי הָרָצִים הַשֹּׁמְרִים פֶּתַח
כח בֵּית הַמֶּלֶךְ׃ וַיְהִי מִדֵּי־בֹא הַמֶּלֶךְ בֵּית יְהוָה יִשָּׂאוּם
כט הָרָצִים וֶהֱשִׁיבוּם אֶל־תָּא הָרָצִים׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי רְחַבְעָם
וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלֹא־הֵמָּה כְתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים
ל לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וּמִלְחָמָה הָיְתָה בֵין־רְחַבְעָם וּבֵין יָרָבְעָם
לא כָּל־הַיָּמִים׃ וַיִּשְׁכַּב רְחַבְעָם עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר עִם־אֲבֹתָיו
בְּעִיר דָּוִד וְשֵׁם אִמּוֹ נַעֲמָה הָעַמֹּנִית וַיִּמְלֹךְ אֲבִיָּם
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

## טו

א וּבִשְׁנַת שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה לַמֶּלֶךְ יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט מָלַךְ אֲבִיָּם
ב עַל־יְהוּדָה׃ שָׁלֹשׁ שָׁנִים מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ מַעֲכָה
ג בַּת־אֲבִישָׁלוֹם׃ וַיֵּלֶךְ בְּכָל־חַטֹּאות אָבִיו אֲשֶׁר־עָשָׂה
לְפָנָיו וְלֹא־הָיָה לְבָבוֹ שָׁלֵם עִם־יְהוָה אֱלֹהָיו כִּלְבַב דָּוִד
ד אָבִיו׃ כִּי לְמַעַן דָּוִד נָתַן יְהוָה אֱלֹהָיו לוֹ נִיר בִּירוּשָׁלִָם
ה לְהָקִים אֶת־בְּנוֹ אַחֲרָיו וּלְהַעֲמִיד אֶת־יְרוּשָׁלִָם׃ אֲשֶׁר
עָשָׂה דָוִד אֶת־הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה וְלֹא־סָר מִכֹּל ׀ אֲשֶׁר
ו צִוָּהוּ כֹּל יְמֵי חַיָּיו רַק בִּדְבַר אוּרִיָּה הַחִתִּי׃ וּמִלְחָמָה
ז הָיְתָה בֵין־רְחַבְעָם וּבֵין יָרָבְעָם כָּל־יְמֵי חַיָּיו׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי
אֲבִיָּם וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה וּמִלְחָמָה הָיְתָה בֵּין אֲבִיָּם וּבֵין
ח יָרָבְעָם׃ וַיִּשְׁכַּב אֲבִיָּם עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ בְּעִיר דָּוִד
ט וַיִּמְלֹךְ אָסָא בְנוֹ תַּחְתָּיו׃ וּבִשְׁנַת עֶשְׂרִים לְיָרָבְעָם

יד, כה׳ שישק   טו, ג׳ מלאו

## טו

1 און אין אַכצנטן יאָר פון מלך יָרבעם דעם זון פון נבָט, איז אֲבִיָם געוואָרן מלך איבער יהודה. 2 דריי יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען מַעֲכָה די טאָכטער פון אֲבִישָלומען.

3 און ער איז געגאַנגען אין אַלע זינד פון זיין פאָטער, וואָס ער האָט געטאָן פאַר אים, און זיין האַרץ איז ניט געווען גאַנץ מיט יהוה זיין גאָט אַזוי ווי דאָס האַרץ פון זיין פאָטער דודן. 4 אָבער פון דודס וועגן האָט אים יהוה זיין גאָט געשאָנקען אַ ליכט אין ירושָלַיִם, אויפצושטעלן זיין זון נאָך אים, און אויפצוהאַלטן ירושָלַיִם. 5 ווייל דוד האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט, און האָט זיך ניט אָפגעקערט פון אַלץ וואָס ער האָט אים באַפוילן, אַלע טעג פון זיין לעבן, אחוץ אין דער מעשה מיט אוּרִיָה דעם חִתּי.

6 און אַ מלחמה איז געווען צווישן רחבעמען און צווישן יָרבעמען אַלע טעג פון זיין לעבן.

7 און די איבעריקע זאַכן וועגן אֲבִיָמען, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון יהודה. און אַ מלחמה איז געווען צווישן אֲבִיָמען און צווישן יָרבעמען.

8 און אֲבִיָם האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און מע האָט אים באַגראָבן אין דודס־שטאָט. און זיין זון אָסאָ איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

י מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל מָלַךְ אָסָא עַל־יְהוּדָה׃ וְאַרְבָּעִים וְאַחַת
שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָ͏ִם וְשֵׁם אִמּוֹ מַעֲכָה בַּת־אֲבִישָׁלוֹם׃
יא וַיַּעַשׂ אָסָא הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה כְּדָוִד אָבִיו׃ יב וַיַּעֲבֵר
הַקְּדֵשִׁים מִן־הָאָרֶץ וַיָּסַר אֶת־כָּל־הַגִּלֻּלִים אֲשֶׁר עָשׂוּ
יג אֲבֹתָיו׃ וְגַם ׀ אֶת־מַעֲכָה אִמּוֹ וַיְסִרֶהָ מִגְּבִירָה אֲשֶׁר־
עָשְׂתָה מִפְלֶצֶת לָאֲשֵׁרָה וַיִּכְרֹת אָסָא אֶת־מִפְלַצְתָּהּ
יד וַיִּשְׂרֹף בְּנַחַל קִדְרוֹן׃ וְהַבָּמוֹת לֹא־סָרוּ רַק לְבַב־אָסָא
טו הָיָה שָׁלֵם עִם־יְהוָה כָּל־יָמָיו׃ וַיָּבֵא אֶת־קָדְשֵׁי אָבִיו וְקָדָשָׁו
טז בֵּית יְהוָה כֶּסֶף וְזָהָב וְכֵלִים׃ וּמִלְחָמָה הָיְתָה בֵּין אָסָא
יז וּבֵין בַּעְשָׁא מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל כָּל־יְמֵיהֶם׃ וַיַּעַל בַּעְשָׁא מֶלֶךְ־
יִשְׂרָאֵל עַל־יְהוּדָה וַיִּבֶן אֶת־הָרָמָה לְבִלְתִּי תֵּת יֹצֵא וָבָא
יח לְאָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ וַיִּקַּח אָסָא אֶת־כָּל־הַכֶּסֶף וְהַזָּהָב
הַנּוֹתָרִים ׀ בְּאוֹצְרוֹת בֵּית־יְהוָה וּבְאוֹצְרוֹת בֵּית מֶלֶךְ
וַיִּתְּנֵם בְּיַד עֲבָדָיו וַיִּשְׁלָחֵם הַמֶּלֶךְ אָסָא אֶל־בֶּן־הֲדַד בֶּן־
טַבְרִמֹּן בֶּן־חֶזְיוֹן מֶלֶךְ אֲרָם הַיֹּשֵׁב בְּדַמֶּשֶׂק לֵאמֹר׃
יט בְּרִית בֵּינִי וּבֵינֶךָ בֵּין אָבִי וּבֵין אָבִיךָ הִנֵּה שָׁלַחְתִּי לְךָ
שֹׁחַד כֶּסֶף וְזָהָב לֵךְ הָפֵרָה אֶת־בְּרִיתְךָ אֶת־בַּעְשָׁא מֶלֶךְ־
כ יִשְׂרָאֵל וְיַעֲלֶה מֵעָלָי׃ וַיִּשְׁמַע בֶּן־הֲדַד אֶל־הַמֶּלֶךְ אָסָא
וַיִּשְׁלַח אֶת־שָׂרֵי הַחֲיָלִים אֲשֶׁר־לוֹ עַל־עָרֵי יִשְׂרָאֵל וַיַּךְ
אֶת־עִיּוֹן וְאֶת־דָּן וְאֵת אָבֵל בֵּית־מַעֲכָה וְאֵת כָּל־כִּנְּרוֹת
כא עַל כָּל־אֶרֶץ נַפְתָּלִי׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ בַּעְשָׁא וַיֶּחְדַּל מִבְּנוֹת
כב אֶת־הָרָמָה וַיֵּשֶׁב בְּתִרְצָה׃ וְהַמֶּלֶךְ אָסָא הִשְׁמִיעַ אֶת־
כָּל־יְהוּדָה אֵין נָקִי וַיִּשְׂאוּ אֶת־אַבְנֵי הָרָמָה וְאֶת־עֵצֶיהָ
אֲשֶׁר בָּנָה בַּעְשָׁא וַיִּבֶן בָּם הַמֶּלֶךְ אָסָא אֶת־גֶּבַע בִּנְיָמִן
כג וְאֶת־הַמִּצְפָּה׃ וְיֶתֶר כָּל־דִּבְרֵי־אָסָא וְכָל־גְּבוּרָתוֹ וְכָל־
אֲשֶׁר עָשָׂה וְהֶעָרִים אֲשֶׁר בָּנָה הֲלֹא־הֵמָּה כְתוּבִים עַל־
סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה רַק לְעֵת זִקְנָתוֹ חָלָה

ט׳ בס״א מלך   יג׳ בס״א הל׳בקמץ   טו׳ וקדשו קרי
יח׳ כצ״ל ע״פ המסורה, ובספרים ואת־אוצרות   המלך קרי

9 און אין צוואַנציקסטן יאָר פון יָרָבעָם דעם מלך פון ישראל, איז אָסאָ געוואָרן מלך איבער יהודה. 10 און איין און פערציק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען מַעֲכָה די טאָכטער פון אַבישָלומען.

11 און אָסאָ האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי זיין פאָטער דוד. 12 און ער האָט אָפּגעשאַפט פון לאַנד די שאַנדמענער, און האָט אָפּגעטאָן אַלע אָפּגעטער וואָס זיינע עלטערן האָבן געמאַכט. 13 און אויך זיין מוטער מַעֲכָהן האָט ער אָפּגעטאָן פון זיין אַ האַרינטע, ווייל זי האָט געמאַכט אַ פאַרזועעניש צו דער אֲשֵרָה. און אָסאָ האָט אָפּגעהאַקט איר פאַרזועעניש, און פאַרברענט ביים טייך קִדרון. 14 נאָר די בָּמות זיינען ניט אָפּגעטאָן געוואָרן; אָבער דאָס האַרץ פון אָסאָן איז געווען גאַנץ מיט גאָט אַלע זיינע טעג.

15 און ער האָט געבראַכט די געהייליקטע זאַכן פון זיין פאָטער, און זיינע אייגענע געהייליקטע זאַכן, אין הויז פון גאָט, זילבער, און גאָלד, און כּלים.

16 און אַ מלחמה איז געווען צווישן אָסאָן און צווישן בַּעשָאָ דעם מלך פון ישראל אַלע זייערע טעג. 17 און בַּעשָאָ דער מלך פון ישראל איז אַרויפגעגאַנגען אויף יהודה, און האָט באַבויט רָמָה, כּדי ניט צו דערלאָזן אַן אַרויסגייער און אַן אַריינגייער ביי אָסאָ דעם מלך פון יהודה.

18 האָט אָסאָ גענומען דאָס גאַנצע זילבער און גאָלד וואָס איז געבליבן אין די אוֹצָרות פון גאָטס הויז, און אין די אוֹצָרות פון מלכס הויז, און האָט זיי געגעבן אין דער האַנט פון זיינע קנעכט; און דער מלך אָסאָ האָט זיי געשיקט צו בֶּן־הֲדַד דעם זון פון טַברִמון דעם זון פון חֶזיונען, דעם מלך פון אֲרַם, וואָס איז געזעסן אין דַמֶשֶׂק, אַזוי צו זאָגן: 19 אַ בונד איז צווישן מיר און צווישן דיר, צווישן מיין פאָטער און צווישן דיין פאָטער; אָט שיק איך דיר אַ מתּנה זילבער און גאָלד; גיי, פאַרשטער דיין בונד מיט בַּעשָאָ דעם מלך פון ישראל, כּדי ער זאָל אָפּציען פון מיר.

20 האָט בֶּן־הֲדַד צוגעהערט צום מלך אָסאָ, און ער האָט געשיקט זיינע חיל־פירער אויף די שטעט פון ישראל, און האָט געשלאָגן עִיון, און דָן, און אָבֵל־בֵּית־מַעֲכָה, און גאַנץ כִּנרות, מיט דעם גאַנצן לאַנד נפתּלי.

21 און עס איז געווען, ווי בַּעשָאָ האָט דערהערט, אַזוי האָט ער אויפגעהערט אַרומבויען רָמָה, און איז געזעסן אין תִּרצָה. 22 און דער מלך אָסאָ האָט צונויפגערופן גאַנץ יהודה, קיינעם ניט אויסגעלאָזט, און זיי האָבן אַוועקגעטראָגן די שטיינער פון רָמָה און אירע האָלצן, מיט וואָס בַּעשָאָ האָט געבויט; און דער מלך אָסאָ האָט מיט זיי באַבויט גֶבַע־בנימין, און מִצפָּה.

23 און די איבעריקע זאַכן וועגן אָסאָן, און זיין גאַנצע גבורהשאַפט, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, און די שטעט וואָס ער האָט געבויט, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעעניש פון די מלכים פון יהודה. נאָר צו דער

כד אֶת־רַגְלָיו׃ וַיִּשְׁכַּב אָסָא עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר עִם־אֲבֹתָיו
כה בְּעִיר דָּוִד אָבִיו וַיִּמְלֹךְ יְהוֹשָׁפָט בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וְנָדָב
בֶּן־יָרָבְעָם מָלַךְ עַל־יִשְׂרָאֵל בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְאָסָא מֶלֶךְ
כו יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ עַל־יִשְׂרָאֵל שְׁנָתָיִם׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה
וַיֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ אָבִיו וּבְחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
כז וַיִּקְשֹׁר עָלָיו בַּעְשָׁא בֶן־אֲחִיָּה לְבֵית יִשָּׂשכָר וַיַּכֵּהוּ בַעְשָׁא
בְּגִבְּתוֹן אֲשֶׁר לַפְּלִשְׁתִּים וְנָדָב וְכָל־יִשְׂרָאֵל צָרִים עַל־
כח גִּבְּתוֹן׃ וַיְמִתֵהוּ בַעְשָׁא בִּשְׁנַת שָׁלֹשׁ לְאָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה
כט וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו׃ וַיְהִי כְמָלְכוֹ הִכָּה אֶת־כָּל־בֵּית יָרָבְעָם לֹא־
הִשְׁאִיר כָּל־נְשָׁמָה לְיָרָבְעָם עַד־הִשְׁמִדוֹ כִּדְבַר יְהוָה אֲשֶׁר
ל דִּבֶּר בְּיַד־עַבְדּוֹ אֲחִיָּה הַשִּׁילֹנִי׃ עַל־חַטֹּאות יָרָבְעָם אֲשֶׁר
חָטָא וַאֲשֶׁר הֶחֱטִא אֶת־יִשְׂרָאֵל בְּכַעְסוֹ אֲשֶׁר הִכְעִיס אֶת־
לא יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי נָדָב וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה
הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃
לב וּמִלְחָמָה הָיְתָה בֵּין אָסָא וּבֵין בַּעְשָׁא מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל כָּל־
לג יְמֵיהֶם׃ בִּשְׁנַת שָׁלֹשׁ לְאָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ בַּעְשָׁא
בֶן־אֲחִיָּה עַל־כָּל־יִשְׂרָאֵל בְּתִרְצָה עֶשְׂרִים וְאַרְבַּע שָׁנָה׃
לד וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ יָרָבְעָם וּבְחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר
הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל׃

## טז

א וַיְהִי דְבַר־יְהוָה אֶל־יֵהוּא בֶן־חֲנָנִי עַל־בַּעְשָׁא לֵאמֹר׃
ב יַעַן אֲשֶׁר הֲרִימֹתִיךָ מִן־הֶעָפָר וָאֶתֶּנְךָ נָגִיד עַל עַמִּי
יִשְׂרָאֵל וַתֵּלֶךְ ׀ בְּדֶרֶךְ יָרָבְעָם וַתַּחֲטִא אֶת־עַמִּי יִשְׂרָאֵל
ג לְהַכְעִיסֵנִי בְּחַטֹּאתָם׃ הִנְנִי מַבְעִיר אַחֲרֵי בַעְשָׁא וְאַחֲרֵי
ד בֵּיתוֹ וְנָתַתִּי אֶת־בֵּיתְךָ כְּבֵית יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט׃ הַמֵּת
לְבַעְשָׁא בָּעִיר יֹאכְלוּ הַכְּלָבִים וְהַמֵּת לוֹ בַּשָּׂדֶה יֹאכְלוּ
ה עוֹף הַשָּׁמָיִם׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי בַעְשָׁא וַאֲשֶׁר עָשָׂה וּגְבוּרָתוֹ

טו, ל׳ מלא ף

צייט פון זיין עלטער איז ער קראַנק געוואָרן אויף די פיס.

24 און אָסאָ האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן לעבן זיינע עלטערן אין זיין פאָטער דודס שטאָט. און זיין זון יהוֹשָפָט איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

25 און נָדָב דער זון פון יָרָבעָמען איז געוואָרן מלך איבער ישׂראל אין צווייטן יאָר פון אָסאָ דעם מלך פון יהודה, און ער האָט געקיניגט איבער ישׂראל צוויי יאָר. 26 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און איז געגאַנגען אין דעם וועג פון זיין פאָטער, און אין זיין זינד וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל.

27 און בַּעשאָ דער זון פון אַחִיָהן, פון דעם הויז פון יִששָכָר, האָט געמאַכט אַ בונט אויף אים, און בַּעשאָ האָט אים געשלאָגן אין גִבתון וואָס געהערט צו די פּלִשתים, ווען נָדָב און גאַנץ ישׂראל האָבן געלעגערט אויף גִבתון. 28 און בַּעשאָ האָט אים געטייט אין דריטן יאָר פון אָסאָ דעם מלך פון יהודה, און איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט. 29 און עס איז געווען, ווי ער איז געוואָרן מלך, האָט ער דער־שלאָגן דאָס גאַנצע הויז פון יָרָבעָמען; ער האָט ניט איבערגעלאָזן קיין לעבעדיקן אָטעם פון יָרָבעָמען, ביז ער האָט אים פאַרטיליקט, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט גערעדט דורך זיין קנעכט אַחִיָהן פון שילו; 30 פאַר די זינד פון יָרָבעָמען וואָס ער האָט געזינדיקט, און וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל; פון וועגן זיין דערצערענונג וואָס ער האָט דערצערנט יהוה דעם גאָט פון ישׂראל.

31 און די איבעריקע זאַכן וועגן נָדָבן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייט־געשעענישן פון די מלכים פון ישׂראל.

32 און אַ מלחמה איז געווען צווישן אָסאָן און צווישן בַּעשאָ דעם מלך פון ישׂראל אַלע זייערע טעג.

33 אין דריטן יאָר פון אָסאָ דעם מלך פון יהודה, איז בַּעשאָ דער זון פון אַחִיָהן געוואָרן מלך איבער גאַנץ ישׂראל אין תִּרצָה, [און האָט געקיניגט] פיר און צוואַנציק יאָר. 34 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און איז געגאַנגען אין דעם וועג פון יָרָבעָמען, און אין זיין זינד וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל.

## טז

1 און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו יֵהוא דעם זון פון חֲנָנִין, אויף בַּעשאָן, אַזוי צו זאָגן: 2 ווייל איך האָב דיך אויפגעהויבן פון שטויב, און האָב דיך געמאַכט פאַר אַ פירשט איבער מיין פאָלק ישׂראל, און דו ביסט געגאַנגען אין דעם וועג פון יָרָבעָמען, און האָסט געמאַכט זינדיקן מיין פאָלק ישׂראל, מיך צו דערצערענען מיט זייערע זינד — 3 אָט ראַם איך אויס בַּעשאָן און זיין הויז, און וועל מאַכן דיין הויז אַזוי ווי דאָס הויז פון יָרָבעָם דעם זון פון נבָטן. 4 דעם וואָס שטאַרבט פון בַּעשאָן אין שטאָט, וועלן די הינט אויפעסן, און דעם וואָס שטאַרבט פון אים אין פעלד, וועלן די פויגלען פון הימל אויפעסן.

5 און די איבעריקע זאַכן וועגן בַּעשאָן, און וואָס ער האָט געטאָן, און זיין גבורהשאַפט, דאָס איז שוין באַשריבן

הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃
ו וַיִּשְׁכַּב בַּעְשָׁא עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּתִרְצָה וַיִּמְלֹךְ אֵלָה
ז בְנוֹ תַּחְתָּיו׃ וְגַם בְּיַד יֵהוּא בֶן־חֲנָנִי הַנָּבִיא דְּבַר־יְהוָה
הָיָה אֶל־בַּעְשָׁא וְאֶל־בֵּיתוֹ וְעַל כָּל־הָרָעָה ׀ אֲשֶׁר־עָשָׂה ׀
בְּעֵינֵי יְהוָה לְהַכְעִיסוֹ בְּמַעֲשֵׂה יָדָיו לִהְיוֹת כְּבֵית יָרָבְעָם
ח וְעַל אֲשֶׁר־הִכָּה אֹתוֹ׃ בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים וָשֵׁשׁ שָׁנָה
לְאָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ אֵלָה בֶן־בַּעְשָׁא עַל־יִשְׂרָאֵל
ט בְּתִרְצָה שְׁנָתָיִם׃ וַיִּקְשֹׁר עָלָיו עַבְדּוֹ זִמְרִי שַׂר מַחֲצִית
הָרָכֶב וְהוּא בְתִרְצָה שֹׁתֶה שִׁכּוֹר בֵּית אַרְצָא אֲשֶׁר עַל־
י הַבַּיִת בְּתִרְצָה׃ וַיָּבֹא זִמְרִי וַיַּכֵּהוּ וַיְמִיתֵהוּ בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים
יא וָשֶׁבַע לְאָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו׃ וַיְהִי בְמָלְכוֹ
כְּשִׁבְתּוֹ עַל־כִּסְאוֹ הִכָּה אֶת־כָּל־בֵּית בַּעְשָׁא לֹא־הִשְׁאִיר
יב לוֹ מַשְׁתִּין בְּקִיר וְגֹאֲלָיו וְרֵעֵהוּ׃ וַיַּשְׁמֵד זִמְרִי אֵת כָּל־
בֵּית בַּעְשָׁא כִּדְבַר יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר אֶל־בַּעְשָׁא בְּיַד
יג יֵהוּא הַנָּבִיא׃ אֶל כָּל־חַטֹּאות בַּעְשָׁא וְחַטֹּאות אֵלָה בְנוֹ
אֲשֶׁר חָטְאוּ וַאֲשֶׁר הֶחֱטִיאוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל לְהַכְעִיס אֶת־
יד יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּהַבְלֵיהֶם׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אֵלָה וְכָל־
אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים
טו לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים וָשֶׁבַע שָׁנָה לְאָסָא
מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ זִמְרִי שִׁבְעַת יָמִים בְּתִרְצָה וְהָעָם
טז חֹנִים עַל־גִּבְּתוֹן אֲשֶׁר לַפְּלִשְׁתִּים׃ וַיִּשְׁמַע הָעָם הַחֹנִים
לֵאמֹר קָשַׁר זִמְרִי וְגַם הִכָּה אֶת־הַמֶּלֶךְ וַיַּמְלִכוּ כָל־יִשְׂרָאֵל
אֶת־עָמְרִי שַׂר־צָבָא עַל־יִשְׂרָאֵל בַּיּוֹם הַהוּא בַּמַּחֲנֶה׃
יז וַיַּעֲלֶה עָמְרִי וְכָל־יִשְׂרָאֵל עִמּוֹ מִגִּבְּתוֹן וַיָּצֻרוּ עַל־תִּרְצָה׃
יח וַיְהִי כִּרְאוֹת זִמְרִי כִּי־נִלְכְּדָה הָעִיר וַיָּבֹא אֶל־אַרְמוֹן
יט בֵּית־הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׂרֹף עָלָיו אֶת־בֵּית־מֶלֶךְ בָּאֵשׁ וַיָּמֹת׃ עַל־
חַטֹּאתָיו אֲשֶׁר חָטָא לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לָלֶכֶת

יב׳ למדנחאי על   יג׳ מלא ו

אין בוך פון די צייטגעשעעניש פון די מלכים פון ישראל.

[6] און בַּעְשָׁא האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין תִּרְצָה. און זיין זון אֵלָה איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

[7] און אויך איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען דורך יֵהוּא דעם זון פון חֲנָנִי, דעם נביא, אויף בַּעְשָׁאן און אויף זיין הויז, אי פאַר אַלעם בייזן וואָס ער האָט געטאָן אין די אויגן פון גאָט, אים צו דערצערענען מיט די מעשים פון זיינע הענט, צו זיין אַזוי ווי דאָס הויז פון יָרָבְעָמען, אי פאַרוואָס ער האָט אים דערשלאָגן.

[8] אין זעקס און צוואַנציקסטן יאָר פון אָסאָ דעם מלך פון יהודה, איז אֵלָה דער זון פון בַּעְשָׁאן געוואָרן מלך איבער ישראל אין תִּרְצָה, [און האָט געקיניגט] צוויי יאָר.

[9] און זיין קנעכט זִמרי, אַ הויפּטמאַן איבער אַ העלפט פון די רייטוועגן, האָט געמאַכט אַ בונט אויף אים, בעת ער איז געווען אין תִּרְצָה, זיך שיכּור טרינקענדיק אין הויז פון אַרצאָן וואָס איבערן פּאַלאַץ אין תִּרְצָה. [10] און זִמרי איז געקומען, און האָט אים געשלאָגן און אים געטייט, אין זיבן און צוואַנציקסטן יאָר פון אָסאָ דעם מלך פון יהודה, און איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

[11] און עס איז געווען, ווי ער איז געוואָרן מלך, אַז ער האָט זיך געזעצט אויף זיין טראָן, האָט ער דערשלאָגן דאָס גאַנצע הויז פון בַּעְשָׁאן; ער האָט אים ניט איבערגעלאָזן אַ מאַנספּאַרשוין[א], צומאָל זיינע אייגענע און זיינע גוטע פריינט. [12] און זִמרי האָט פאַרטיליקט דאָס גאַנצע הויז פון בַּעְשָׁאן, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט גערעדט וועגן בַּעְשָׁאן דורך יֵהוּא דעם נביא, [13] פאַר אַלע זינד פון בַּעְשָׁאן, און די זינד פון זיין זון אֵלָהן, וואָס זיי האָבן געזינדיקט, און וואָס זיי האָבן געמאַכט זינדיקן ישראל, צו דערצערענען יהוה דעם גאָט פון ישראל מיט זייערע נישטיקע געצן.

[14] און די איבעריקע זאַכן וועגן אֵלָהן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעעניש פון די מלכים פון ישראל.

[15] אין זיבן און צוואַנציקסטן יאָר פון אָסאָ דעם מלך פון יהודה, האָט זִמרי געקיניגט זיבן טעג אין תִּרְצָה, בעת דאָס פאָלק האָט געלאַגערט אויף גִבְּתוֹן וואָס געהערט צו די פּלִשתּים. [16] און דאָס פאָלק וואָס האָט געלאַגערט, האָט געהערט, אַזוי צו זאָגן: זִמרי האָט געמאַכט אַ בונט, און ער האָט אויך דערשלאָגן דעם מלך; און גאַנץ ישראל האָבן געמאַכט עָמרי דעם חיל־פירער פאַר אַ מלך איבער ישראל, אין יענעם טאָג אין לאַגער. [17] און עָמרי און גאַנץ ישראל מיט אים זיינען אַרויפגעגאַנגען פון גִבְּתוֹן, און האָבן געלעגערט אויף תִּרְצָה.

[18] און עס איז געווען, ווי זִמרי האָט געזען אַז די שטאָט איז באַצוווּנגען, אַזוי איז ער אַריינגעגאַנגען אין פּאַלאַץ פון מלכס הויז, און האָט אָנגעצונדן איבער זיך דעם מלכס הויז אין פייער, און איז געשטאָרבן; [19] איבער זיינע זינד וואָס ער

[א] אין טעקסט: מַשְׁתִּין בְּקִיר.

בְּדֶרֶךְ יָרָבְעָם וּבְחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה לְהַחֲטִיא אֶת־
כ יִשְׂרָאֵל׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי זִמְרִי וְקִשְׁרוֹ אֲשֶׁר קָשָׁר הֲלֹא־הֵם
כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃
כא אָז יֵחָלֵק הָעָם יִשְׂרָאֵל לַחֵצִי חֲצִי הָעָם הָיָה אַחֲרֵי תִבְנִי
כב בֶן־גִּינַת לְהַמְלִיכוֹ וְהַחֵצִי אַחֲרֵי עָמְרִי׃ וַיֶּחֱזַק הָעָם אֲשֶׁר
אַחֲרֵי עָמְרִי אֶת־הָעָם אֲשֶׁר אַחֲרֵי תִּבְנִי בֶן־גִּינַת וַיָּמָת
כג תִּבְנִי וַיִּמְלֹךְ עָמְרִי׃ בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים וְאַחַת שָׁנָה לְאָסָא
מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ עָמְרִי עַל־יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שָׁנָה
כד בְּתִרְצָה מָלַךְ שֵׁשׁ־שָׁנִים׃ וַיִּקֶן אֶת־הָהָר שֹׁמְרוֹן מֵאֶת
שֶׁמֶר בְּכִכְּרַיִם כָּסֶף וַיִּבֶן אֶת־הָהָר וַיִּקְרָא אֶת־שֵׁם הָעִיר
כה אֲשֶׁר בָּנָה עַל שֶׁם־שֶׁמֶר אֲדֹנֵי הָהָר שֹׁמְרוֹן׃ וַיַּעֲשֶׂה
כו עָמְרִי הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיָּרַע מִכֹּל אֲשֶׁר לְפָנָיו׃ וַיֵּלֶךְ
בְּכָל־דֶּרֶךְ יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט וּבְחַטֹּאתָיו אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־
יִשְׂרָאֵל לְהַכְעִיס אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל בְּהַבְלֵיהֶם׃
כז וְיֶתֶר דִּבְרֵי עָמְרִי אֲשֶׁר עָשָׂה וּגְבוּרָתוֹ אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלֹא־
הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃
כח וַיִּשְׁכַּב עָמְרִי עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּשֹׁמְרוֹן וַיִּמְלֹךְ אַחְאָב
כט בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וְאַחְאָב בֶּן־עָמְרִי מָלַךְ עַל־יִשְׂרָאֵל
בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים וּשְׁמֹנֶה שָׁנָה לְאָסָא מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ
אַחְאָב בֶּן־עָמְרִי עַל־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם
ל שָׁנָה׃ וַיַּעַשׂ אַחְאָב בֶּן־עָמְרִי הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה מִכֹּל אֲשֶׁר
לא לְפָנָיו׃ וַיְהִי הֲנָקֵל לֶכְתּוֹ בְּחַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט וַיִּקַּח
אִשָּׁה אֶת־אִיזֶבֶל בַּת־אֶתְבַּעַל מֶלֶךְ צִידֹנִים וַיֵּלֶךְ וַיַּעֲבֹד
לב אֶת־הַבַּעַל וַיִּשְׁתַּחוּ לוֹ׃ וַיָּקֶם מִזְבֵּחַ לַבַּעַל בֵּית הַבַּעַל
לג אֲשֶׁר בָּנָה בְּשֹׁמְרוֹן׃ וַיַּעַשׂ אַחְאָב אֶת־הָאֲשֵׁרָה וַיּוֹסֶף
אַחְאָב לַעֲשׂוֹת לְהַכְעִיס אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מִכֹּל
לד מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הָיוּ לְפָנָיו׃ בְּיָמָיו בָּנָה חִיאֵל בֵּית

כד׳ ואי בסגול   כו׳ ובחטאתו קרי   לא׳ מלא ואו

האָט געזינדיקט, צו טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, צו גיין אין דעם וועג פון יָרָבעָמען, און פאַר זיין זינד וואָס ער איז באַגאַנגען צו מאַכן זינדיקן ישׂראל.

[20] און די איבעריקע זאַכן וועגן זִמרין, און זיין בונט וואָס ער האָט געבונטעוועט, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון ישׂראל.

[21] דענסמאָל האָט זיך דאָס פאָלק ישׂראל צעטיילט אין העלפט: העלפט פון פאָלק איז געווען הינטער תִּבני דעם זון פון גינַתן, אים צו מאַכן פאַר מלך, און העלפט הינטער עָמרין. [22] און דאָס פאָלק וואָס הינטער עָמרין האָט איבערגעשטאַרקט דאָס פאָלק וואָס הינטער תִּבני דעם זון פון גינַתן. און תִּבני איז אומגעקומען, און עָמרי איז געבליבן מלך.

[23] אין איין און דרייסיקסטן יאָר פון אָסאָ דעם מלך פון יהודה איז עָמרי געוואָרן מלך איבער ישׂראל, [און האָט געקיניגט] צוועלף יאָר; אין תּרצָה האָט ער געקיניגט זעקס יאָר. [24] און ער האָט אָפּגעקויפט דעם באַרג שומרון פון שֶמֶרן פאַר צוויי צענטנער זילבער, און האָט באַבויט דעם באַרג, און גערופן דעם נאָמען פון דער שטאָט וואָס ער האָט געבויט, אויף דעם נאָמען פון שֶמֶר, דעם האַר פון דעם באַרג, שומרון.

[25] און עָמרי האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און ער האָט זיך געפירט ערגער ווי אַלע וואָס פאַר אים. [26] און ער איז געגאַנגען אין אַלדעם וועג פון יָרבעָם דעם זון פון נבָטן, און אין זיין זינד וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל, צו דערצערענען יהוה דעם גאָט פון ישׂראל מיט זייערע נישטיקע געצן.

[27] און די איבעריקע זאַכן פון עָמרין וואָס ער האָט געטאָן, און זיין גבורהשאַפט וואָס ער האָט אויפגעטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון ישׂראל.

[28] און עָמרי האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און איז באַגראָבן געוואָרן אין שומרון, און זיין זון אַחאָב איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

[29] און אַחאָב דער זון פון עָמרין איז געוואָרן מלך איבער ישׂראל אין אַכט און דרייסיקסטן יאָר פון אָסאָ דעם מלך פון יהודה. און אַחאָב דער זון פון עָמרין האָט געקיניגט איבער ישׂראל אין שומרון צוויי און צוואַנציק יאָר.

[30] און אַחאָב דער זון פון עָמרין האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, מער פון אַלע וואָס פאַר אים.

[31] און ווינציק זיין גיין אין די זינד פון יָרבעָם דעם זון פון נבָטן, האָט ער נאָך גענומען פאַר אַ ווייב איזֶבל די טאָכטער פון אֶתבַעל דעם מלך פון די צידונים, און איז געגאַנגען און האָט געדינט בַעל, און זיך געבוקט צו אים. [32] און ער האָט אויפגעשטעלט אַ מזבח צו בַעל, אין דעם הויז פון בַעל וואָס ער האָט געבויט אין שומרון. [33] און אַחאָב האָט געמאַכט די אַשֵרָה; און אַחאָב האָט געטאָן מער צו דערצערענען יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, ווי אַלע מלכים פון ישׂראל וואָס זיינען געווען פאַר אים.

[34] אין זיינע טעג האָט חיאֵל פון בֵית־אֵל אָפּגעבויט יריחו. מיט [דעם לעבן פון] אבירָם זיין בכור האָט ער

הָאֱלִי אֶת־יְרִיחֹה בַּאֲבִירָם בְּכֹרוֹ יִסְּדָהּ וּבִשְׂגִיב צְעִירוֹ
הִצִּיב דְּלָתֶיהָ כִּדְבַר יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד יְהוֹשֻׁעַ בִּן־נוּן׃

יז

א וַיֹּאמֶר אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי מִתֹּשָׁבֵי גִלְעָד אֶל־אַחְאָב חַי־
יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר עָמַדְתִּי לְפָנָיו אִם־יִהְיֶה
ב הַשָּׁנִים הָאֵלֶּה טַל וּמָטָר כִּי אִם־לְפִי דְבָרִי׃ וַיְהִי
ג דְבַר־יְהוָה אֵלָיו לֵאמֹר׃ לֵךְ מִזֶּה וּפָנִיתָ לְּךָ קֵדְמָה
ד וְנִסְתַּרְתָּ בְּנַחַל כְּרִית אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי הַיַּרְדֵּן׃ וְהָיָה
ה מֵהַנַּחַל תִּשְׁתֶּה וְאֶת־הָעֹרְבִים צִוִּיתִי לְכַלְכֶּלְךָ שָׁם׃ וַיֵּלֶךְ
וַיַּעַשׂ כִּדְבַר יְהוָה וַיֵּלֶךְ וַיֵּשֶׁב בְּנַחַל כְּרִית אֲשֶׁר עַל־פְּנֵי
ו הַיַּרְדֵּן׃ וְהָעֹרְבִים מְבִאִים לוֹ לֶחֶם וּבָשָׂר בַּבֹּקֶר וְלֶחֶם
ז וּבָשָׂר בָּעָרֶב וּמִן־הַנַּחַל יִשְׁתֶּה׃ וַיְהִי מִקֵּץ יָמִים וַיִּיבַשׁ
ח הַנָּחַל כִּי לֹא־הָיָה גֶשֶׁם בָּאָרֶץ׃ וַיְהִי דְבַר־יְהוָה
ט אֵלָיו לֵאמֹר׃ קוּם לֵךְ צָרְפַתָה אֲשֶׁר לְצִידוֹן וְיָשַׁבְתָּ שָׁם
י הִנֵּה צִוִּיתִי שָׁם אִשָּׁה אַלְמָנָה לְכַלְכְּלֶךָ׃ וַיָּקָם ׀ וַיֵּלֶךְ
צָרְפַתָה וַיָּבֹא אֶל־פֶּתַח הָעִיר וְהִנֵּה־שָׁם אִשָּׁה אַלְמָנָה
מְקֹשֶׁשֶׁת עֵצִים וַיִּקְרָא אֵלֶיהָ וַיֹּאמַר קְחִי־נָא לִי מְעַט־
יא מַיִם בַּכְּלִי וְאֶשְׁתֶּה׃ וַתֵּלֶךְ לָקַחַת וַיִּקְרָא אֵלֶיהָ וַיֹּאמַר
יב לִקְחִי־נָא לִי פַּת־לֶחֶם בְּיָדֵךְ׃ וַתֹּאמֶר חַי־יְהוָה אֱלֹהֶיךָ
אִם־יֶשׁ־לִי מָעוֹג כִּי אִם־מְלֹא כַף־קֶמַח בַּכַּד וּמְעַט־שֶׁמֶן
בַּצַּפָּחַת וְהִנְנִי מְקֹשֶׁשֶׁת שְׁנַיִם עֵצִים וּבָאתִי וַעֲשִׂיתִיהוּ
יג לִי וְלִבְנִי וַאֲכַלְנֻהוּ וָמָתְנוּ׃ וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אֵלִיָּהוּ אַל־
תִּירְאִי בֹּאִי עֲשִׂי כִדְבָרֵךְ אַךְ עֲשִׂי־לִי מִשָּׁם עֻגָה קְטַנָּה
יד בָרִאשֹׁנָה וְהוֹצֵאת לִי וְלָךְ וְלִבְנֵךְ תַּעֲשִׂי בָּאַחֲרֹנָה׃ כִּי
כֹה אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כַּד הַקֶּמַח לֹא תִכְלָה
וְצַפַּחַת הַשֶּׁמֶן לֹא תֶחְסָר עַד יוֹם תֵּתֶן־יְהוָה גֶּשֶׁם עַל־
טו פְּנֵי הָאֲדָמָה׃ וַתֵּלֶךְ וַתַּעֲשֶׂה כִּדְבַר אֵלִיָּהוּ וַתֹּאכַל הוּא־

ט, לד׳ ובשגב קרי יז, יד׳ תת קרי טו׳ הוא ק

געלייגט איר גרונטפעסט, און מיט שגוב זיין ייִנגסטן האָט ער אַריינגעשטעלט אירע טירן, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט גערעדט דורך יהושע דעם זון פון נון[א].

יז [1] און אֵלִיָהו דער תִשבי, פון די וואָס האָבן זיך באַזעצט אין גִלעָד, האָט געזאָגט צו אַחְאָבן: אַזוי ווי עס לעבט יהוה דער גאָט פון ישׂראל וואָס איך שטיי פאַר אים, אויב אין דידאָזיקע יאָרן וועט זיין טוי און רעגן, סיידן לויט מיין וואָרט!

[2] און דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו אים, אַזוי צו זאָגן: [3] גיי פון דאַנען, און זאָלסט זיך פאַרקערן קיין מזרח, און זיך באַהאַלטן ביי דעם באַך כרית וואָס פאַרן יַרדן. [4] און עס וועט זיין: פון דעם באַך וועסטו טרינקען, און די ראָבן האָב איך באַפוילן דיך דאָרטן צו שפּייזן.

[5] איז ער געגאַנגען און האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט; און ער איז אַוועק און האָט זיך געזעצט ביים באַך כרית וואָס פאַרן יַרדן. [6] און די ראָבן פלעגן אים ברענגען ברויט און פלייש אין דער פרי, און ברויט און פלייש אין אָוונט; און פון באַך פלעגט ער טרינקען.

[7] און עס איז געווען נאָך אַ פאַרלויף פון טעג, איז דער באַך אויסגעטריקנט געוואָרן, ווייל עס איז ניט געווען קיין רעגן אין לאַנד. [8] איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו אים, אַזוי צו זאָגן: [9] שטיי אויף, גיי קיין צָרפַת וואָס געהערט צו צידון, און זאָלסט דאָרטן זיצן; זע, איך האָב דאָרטן באַפוילן אַ פרוי אַן אַלמנה דיך צו שפּייזן.

[10] איז ער אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען קיין צָרפַת. און ווי ער איז געקומען אין אַיינגאַנג פון שטאָט, ערשט אַ פרוי אַן אַלמנה קלייבט דאָרטן האָלץ. האָט ער גערופן צו איר און האָט געזאָגט: ברענג מיר, איך בעט דיך, אַ ביסל וואַסער אין אַ כלי, כדי איך זאָל טרינקען. [11] און ווי זי איז געגאַנגען ברענגען, אַזוי האָט ער איר נאָכגערופן און געזאָגט: ברענג מיר, איך בעט דיך, אַ שטיקל ברויט אין דיין האַנט. [12] האָט זי געזאָגט: אַזוי ווי עס לעבט יהוה דיין גאָט, אויב איך האָב אַ קוכן, נאָר בלויז אַ האַנטפול מעל אין טאָפּ, און אַ ביסל אייל אין קרוג! און אָט קלייב איך צונויף אַ פּאָר העלצלעך, און איך וועל גיין און וועל עס מאַכן פאַר מיר און מיין זון, און מיר וועלן עס אויפעסן; דערנאָך וועלן מיר שטאַרבן.

[13] האָט אֵלִיָהו צו איר געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן; גיי טו אַזוי ווי דיין וואָרט, נאָר מאַך מיר דערפון אַ קליינעם קוכן צוערשט, און ברענג מיר אַרויס; און פאַר דיר און פאַר דיין זון וועסטו מאַכן צולעצט. [14] וואָרום אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל: דער טאָפּ מעל וועט ניט אויסגיין, און דער קרוג אייל וועט ניט געמינערט ווערן, ביז דעם טאָג וואָס גאָט גיט רעגן אויפן געזיכט פון דער ערד.

[15] איז זי געגאַנגען און האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון אֵלִיָהון, און זי און ער און איר הויזגעזינט האָבן געהאַט

[א] זע יהושע ו, 26.

טז וָהִיא וּבֵיתָהּ יָמִים: כַּד הַקֶּמַח לֹא כָלָתָה וְצַפַּחַת
הַשֶּׁמֶן לֹא חָסֵר כִּדְבַר יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד אֵלִיָּהוּ:
יז וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה חָלָה בֶּן־הָאִשָּׁה בַּעֲלַת
הַבָּיִת וַיְהִי חָלְיוֹ חָזָק מְאֹד עַד אֲשֶׁר לֹא־נוֹתְרָה־בּוֹ
יח נְשָׁמָה: וַתֹּאמֶר אֶל־אֵלִיָּהוּ מַה־לִּי וָלָךְ אִישׁ הָאֱלֹהִים
יט בָּאתָ אֵלַי לְהַזְכִּיר אֶת־עֲוֹנִי וּלְהָמִית אֶת־בְּנִי: וַיֹּאמֶר
אֵלֶיהָ תְּנִי־לִי אֶת־בְּנֵךְ וַיִּקָּחֵהוּ מֵחֵיקָהּ וַיַּעֲלֵהוּ אֶל־
כ הָעֲלִיָּה אֲשֶׁר־הוּא יֹשֵׁב שָׁם וַיַּשְׁכִּבֵהוּ עַל־מִטָּתוֹ: וַיִּקְרָא
אֶל־יְהוָה וַיֹּאמַר יְהוָה אֱלֹהָי הֲגַם עַל־הָאַלְמָנָה אֲשֶׁר־
כא אֲנִי מִתְגּוֹרֵר עִמָּהּ הֲרֵעוֹתָ לְהָמִית אֶת־בְּנָהּ: וַיִּתְמֹדֵד
עַל־הַיֶּלֶד שָׁלֹשׁ פְּעָמִים וַיִּקְרָא אֶל־יְהוָה וַיֹּאמַר יְהוָה
כב אֱלֹהָי תָּשָׁב־נָא נֶפֶשׁ־הַיֶּלֶד הַזֶּה עַל־קִרְבּוֹ: וַיִּשְׁמַע יְהוָה
כג בְּקוֹל אֵלִיָּהוּ וַתָּשָׁב נֶפֶשׁ־הַיֶּלֶד עַל־קִרְבּוֹ וַיֶּחִי: וַיִּקַּח
אֵלִיָּהוּ אֶת־הַיֶּלֶד וַיֹּרִדֵהוּ מִן־הָעֲלִיָּה הַבַּיְתָה וַיִּתְּנֵהוּ
כד לְאִמּוֹ וַיֹּאמֶר אֵלִיָּהוּ רְאִי חַי בְּנֵךְ: וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה אֶל־
אֵלִיָּהוּ עַתָּה זֶה יָדַעְתִּי כִּי אִישׁ אֱלֹהִים אָתָּה וּדְבַר־יְהוָה
בְּפִיךָ אֱמֶת:

## יח

א וַיְהִי יָמִים רַבִּים וּדְבַר יְהוָה הָיָה אֶל־אֵלִיָּהוּ בַּשָּׁנָה
הַשְּׁלִישִׁית לֵאמֹר לֵךְ הֵרָאֵה אֶל־אַחְאָב וְאֶתְּנָה מָטָר
ב עַל־פְּנֵי הָאֲדָמָה: וַיֵּלֶךְ אֵלִיָּהוּ לְהֵרָאוֹת אֶל־אַחְאָב
ג וְהָרָעָב חָזָק בְּשֹׁמְרוֹן: וַיִּקְרָא אַחְאָב אֶל־עֹבַדְיָהוּ אֲשֶׁר
ד עַל־הַבָּיִת וְעֹבַדְיָהוּ הָיָה יָרֵא אֶת־יְהוָה מְאֹד: וַיְהִי
בְּהַכְרִית אִיזֶבֶל אֵת נְבִיאֵי יְהוָה וַיִּקַּח עֹבַדְיָהוּ מֵאָה
נְבִאִים וַיַּחְבִּיאֵם חֲמִשִּׁים אִישׁ בַּמְּעָרָה וְכִלְכְּלָם לֶחֶם
ה וָמָיִם: וַיֹּאמֶר אַחְאָב אֶל־עֹבַדְיָהוּ לֵךְ בָּאָרֶץ אֶל־כָּל־
מַעְיְנֵי הַמַּיִם וְאֶל כָּל־הַנְּחָלִים אוּלַי ׀ נִמְצָא חָצִיר וּנְחַיֶּה

יז, טו׳ והוא ק׳. טז׳ כ׳ כא׳ קמץ בז״ק   יח, א׳ הפטרה כי תשא כמנהג האשכנזים

צו עסן פיל טעג. [16] דער טאָפּ מעל איז ניט אויסגעגאַנגען, און דער קרוג אייל איז ניט געמינערט געוואָרן, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט גערעדט דורך אֵלִיָהון.

[17] און עס איז געווען נאָך דידאָזיקע געשעענישן, איז קראַנק געוואָרן דער זון פון דער פרוי, דער באַלעבאָסטע פון הויז, און זיין קראַנקשאַפט איז געווען זייער שטאַרק, ביז אין אים איז מער אַן אָטעם ניט געבליבן. [18] האָט זי געזאָגט צו אֵלִיָהון: וואָס האָסטו צו מיר, דו געטלעכער מאַן? ביסטו געקומען צו מיר צו דערמאָנען מיינע זינד, און צו טייטן מיין זון?

[19] האָט ער צו איר געזאָגט: גיב מיר דיין זון. און ער האָט אים גענומען פון איר בוזעם, און האָט אים אַרויפגעטראָגן אין דער אויבערשטוב וואָס ער האָט דאָרטן געוווינט, און האָט אים אַוועקגעלייגט אויף זיין בעט. [20] און ער האָט גערופן צו גאָט און האָט געזאָגט: יהוה מיין גאָט, צי אויך דער אַלמנה וואָס איך האַלט זיך אויף ביי איר, האָסטו בייז געטאָן, צו טייטן איר זון?

[21] און ער האָט זיך אויסגעצויגן איבער דעם קינד דריי מאָל, און האָט גערופן צו גאָט און האָט געזאָגט: יהוה מיין גאָט, זאָל, איך בעט דיך, די זעל פון דעמדאָזיקן קינד זיך אומקערן אין אים.

[22] און גאָט האָט צוגעהערט צו דעם קול פון אֵלִיָהון, און די זעל פון דעם קינד האָט זיך אומגעקערט אין אים, און ער האָט אויפגעלעבט. [23] און אֵלִיָהו האָט גענומען דאָס קינד, און האָט עס אַראָפּגעטראָגן פון דער אויבערשטוב אין הויז, און האָט עס געגעבן צו זיין מוטער; און אֵלִיָהו האָט געזאָגט: זע, דיין זון לעבט. [24] האָט די פרוי געזאָגט צו אֵלִיָהון: אַצונד אָט ווייס איך אַז דו ביסט אַ געטלעכער מאַן, און דאָס וואָרט פון גאָט אין דיין מויל איז אמת.

## יח

[1] און עס איז געווען נאָך פיל טעג, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו אֵלִיָהון—אויפן דריטן יאָר—אַזוי צו זאָגן: גיי ווייז זיך פאַר אַחְאָבן, און איך וועל געבן רעגן אויפן געזיכט פון דער ערד.

[2] איז אֵלִיָהו געגאַנגען זיך ווייזן פאַר אַחְאָבן. און דער הונגער איז געווען שטאַרק אין שומרון. [3] און אַחְאָב האָט גערופן עוֹבַדיָהון וואָס איבערן פּאַלאַץ—און עוֹבַדיָהו האָט זייער געפאָרכט יהוה; [4] און עס איז געווען, אַז איזֶבל האָט פאַרשניטן די נביאים פון יהוה, האָט עוֹבַדיָהו גענומען הונדערט נביאים, און האָט זיי באַהאַלטן צו פופציק מאַן אין אַ הייל, און האָט זיי אויסגעהאַלטן מיט ברויט און מיט וואַסער— [5] און אַחְאָב האָט געזאָגט צו עוֹבַדיָהון: גיי דורכן לאַנד ביי אַלע קוואַלן וואַסער און ביי אַלע טייכן; אפשר

סוּס וָפֶרֶד וְלוֹא נַכְרִית מֵהַבְּהֵמָה׃ וַיְחַלְּקוּ לָהֶם אֶת־ ו
הָאָרֶץ לַעֲבָר־בָּהּ אַחְאָב הָלַךְ בְּדֶרֶךְ אֶחָד לְבַדּוֹ וְעֹבַדְיָהוּ
הָלַךְ בְּדֶרֶךְ־אֶחָד לְבַדּוֹ׃ וַיְהִי עֹבַדְיָהוּ בַּדֶּרֶךְ וְהִנֵּה ז
אֵלִיָּהוּ לִקְרָאתוֹ וַיַּכִּרֵהוּ וַיִּפֹּל עַל־פָּנָיו וַיֹּאמֶר הַאַתָּה זֶה
אֲדֹנִי אֵלִיָּהוּ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ אָנִי לֵךְ אֱמֹר לַאדֹנֶיךָ הִנֵּה אֵלִיָּהוּ׃ ח
וַיֹּאמֶר מֶה חָטָאתִי כִּי־אַתָּה נֹתֵן אֶת־עַבְדְּךָ בְּיַד־אַחְאָב ט
לַהֲמִיתֵנִי׃ חַי ׀ יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אִם־יֶשׁ־גּוֹי וּמַמְלָכָה אֲשֶׁר י
לֹא־שָׁלַח אֲדֹנִי שָׁם לְבַקֶּשְׁךָ וְאָמְרוּ אָיִן וְהִשְׁבִּיעַ אֶת־
הַמַּמְלָכָה וְאֶת־הַגּוֹי כִּי לֹא יִמְצָאֶכָּה׃ וְעַתָּה אַתָּה אֹמֵר יא
לֵךְ אֱמֹר לַאדֹנֶיךָ הִנֵּה אֵלִיָּהוּ׃ וְהָיָה אֲנִי ׀ אֵלֵךְ מֵאִתָּךְ יב
וְרוּחַ יְהוָה ׀ יִשָּׂאֲךָ עַל אֲשֶׁר לֹא־אֵדָע וּבָאתִי לְהַגִּיד לְאַחְאָב
וְלֹא יִמְצָאֲךָ וַהֲרָגָנִי וְעַבְדְּךָ יָרֵא אֶת־יְהוָה מִנְּעֻרָי׃ הֲלֹא־ יג
הֻגַּד לַאדֹנִי אֵת אֲשֶׁר־עָשִׂיתִי בַּהֲרֹג אִיזֶבֶל אֵת נְבִיאֵי
יְהוָה וָאַחְבִּא מִנְּבִיאֵי יְהוָה מֵאָה אִישׁ חֲמִשִּׁים חֲמִשִּׁים
אִישׁ בַּמְּעָרָה וָאֲכַלְכְּלֵם לֶחֶם וָמָיִם׃ וְעַתָּה אַתָּה אֹמֵר יד
לֵךְ אֱמֹר לַאדֹנֶיךָ הִנֵּה אֵלִיָּהוּ וַהֲרָגָנִי׃ וַיֹּאמֶר אֵלִיָּהוּ טו
חַי יְהוָה צְבָאוֹת אֲשֶׁר עָמַדְתִּי לְפָנָיו כִּי הַיּוֹם אֵרָאֶה
אֵלָיו׃ וַיֵּלֶךְ עֹבַדְיָהוּ לִקְרַאת אַחְאָב וַיַּגֶּד־לוֹ וַיֵּלֶךְ אַחְאָב טז
לִקְרַאת אֵלִיָּהוּ׃ וַיְהִי כִּרְאוֹת אַחְאָב אֶת־אֵלִיָּהוּ וַיֹּאמֶר יז
אַחְאָב אֵלָיו הַאַתָּה זֶה עֹכֵר יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר לֹא עָכַרְתִּי יח
אֶת־יִשְׂרָאֵל כִּי אִם־אַתָּה וּבֵית אָבִיךָ בַּעֲזָבְכֶם אֶת־מִצְוֹת
יְהוָה וַתֵּלֶךְ אַחֲרֵי הַבְּעָלִים׃ וְעַתָּה שְׁלַח קְבֹץ אֵלַי אֶת־ יט
כָּל־יִשְׂרָאֵל אֶל־הַר הַכַּרְמֶל וְאֶת־נְבִיאֵי הַבַּעַל אַרְבַּע
מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים וּנְבִיאֵי הָאֲשֵׁרָה אַרְבַּע מֵאוֹת אֹכְלֵי שֻׁלְחַן
אִיזָבֶל׃ וַיִּשְׁלַח אַחְאָב בְּכָל־בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּקְבֹּץ אֶת־ כ
הַנְּבִיאִים אֶל־הַר הַכַּרְמֶל׃ וַיִּגַּשׁ אֵלִיָּהוּ אֶל־כָּל־הָעָם כא
וַיֹּאמֶר עַד־מָתַי אַתֶּם פֹּסְחִים עַל־שְׁתֵּי הַסְּעִפִּים אִם־יְהוָה

ה׳ כצ״ל כתיב וקרי יב׳ קמץ בז״ק כ׳ הפטרת כי תשא כמנהג הספרדים כא׳ הפ׳ דגושה

וועלן מיר געפינען גראָז, און מיר וועלן דערהאַלטן ביים לעבן די פערד און די מוילאייזלען, אַז מיר זאָלן ניט אָנווערן די בהמות.

6 האָבן זיי זיך צעטיילט דאָס לאַנד, כּדי דורכצוגיין דורך דעם: אַחְאָב איז געגאַנגען אַליין אין איין וועג, און עוֹבַדְיָהו איז געגאַנגען אַליין אין אַן אַנדער וועג.

7 און ווי עוֹבַדְיָהו איז געווען אין וועג, ערשט אֵלִיָהו קומט אים אַנטקעגן. האָט ער אים דערקענט, און ער איז געפאַלן אויף זיין פּנים, און האָט געזאָגט: ביסט דו דאָס, מיין האַר אֵלִיָהו? 8 האָט ער צו אים געזאָגט: איך; גיי זאָג דיין האַר: אָט איז אֵלִיָהו. 9 האָט ער געזאָגט: וואָס האָב איך געזינדיקט, אַז דו ווילסט געבן דיין קנעכט אין אַחְאָבס האַנט, מיך צו טייטן? 10 אַזוי ווי עס לעבט יהוה דיין גאָט, אויב עס איז דאָ אַ פאָלק אָדער אַ קיניגרייך, וואָס מיין האַר האָט ניט געשיקט אַהין דיך זוכן! און אַז זיי האָבן געזאָגט: ניטאָ, האָט ער געמאַכט שווערן דאָס פאָלק און דאָס קיניגרייך, אַז מע האָט דיך ניט געפונען. 11 און אַצונד זאָגסטו: גיי זאָג דיין האַר: אָט איז אֵלִיָהו. 12 און עס וועט זיין, ווי איך וועל אַוועקגיין פון דיר, אַזוי וועט דער גייסט פון גאָט דיך פאַרטראָגן, איך ווייס ניט וווהין, און אַז איך וועל קומען אָנזאָגן אַחְאָבן, און ער וועט דיך ניט געפינען, וועט ער מיך הרגענען; און דיין קנעכט פאָרכט יהוה פון מיין יוגנט אָן. 13 איז ניט דערציילט געוואָרן צו מיין האַר וואָס איך האָב געטאָן, ווען איזֶבֶל האָט אויסגעהרגעט די נביאים פון יהוה, ווי איך האָב באַהאַלטן הונדערט מאַן פון די נביאים צו פופציק מאַן אין אַ הייל, און האָב זיי אויסגעהאַלטן מיט ברויט און מיט וואַסער?

14 און אַצונד זאָגסטו: גיי זאָג דיין האַר: אָט איז אֵלִיָהו; און ער וועט מיך הרגענען.

15 האָט אֵלִיָהו געזאָגט: אַזוי ווי עס לעבט גאָט פון צבָאוֹת וואָס איך שטיי פאַר אים, אַז היינט וועל איך זיך ווייזן פאַר אים!

16 איז עוֹבַדְיָהו געגאַנגען אַנטקעגן אַחְאָבן, און האָט אים דערציילט; און אַחְאָב איז געגאַנגען אַנטקעגן אֵלִיָהון.

17 און עס איז געווען, ווי אַחְאָב האָט דערזען אֵלִיָהון, אַזוי האָט אַחְאָב צו אים געזאָגט: ביסט דו דאָס, פאַראומגליקער פון ישׂראל? 18 האָט ער געזאָגט: ניט איך האָב פאַראומגליקט ישׂראל, נאָר דו און דיין פאָטערס הויז, מיט וואָס איר האָט פאַרלאָזן די געבאָט פון יהוה, און ביסט געגאַנגען נאָך די בַּעַל־געטער. 19 און אַצונד, שיק זאַמל איין צו מיר גאַנץ ישׂראל אויפן באַרג כַּרְמֶל, און די פיר הונדערט און פופציק נביאים פון בַּעַל, און די פיר הונדערט נביאים פון דער אֲשֵׁרָה, וואָס עסן ביים טיש פון איזֶבֶלן.

20 האָט אַחְאָב געשיקט צווישן אַלע קינדער פון ישׂראל, און האָט איינגעזאַמלט די נביאים אויפן באַרג כַּרְמֶל.

21 און אֵלִיָהו האָט גענענט צום גאַנצן פאָלק, און האָט געזאָגט: ביז וואַנען וועט איר אומשפּרינגען אויף צוויי צווייגן?

אויב יהוה איז גאָט, גייט נאָך אים, און אויב בַּעַל, גייט נאָך אים.

און דאָס פאָלק האָט אים אַ וואָרט ניט געענטפערט.

[22] האָט אֵלִיָהו געזאָגט צום פאָלק: איך אַליין בין געבליבן אַ נביא צו יהוה, און די נביאים פון בַּעַל זיינען פיר הונדערט און פופציק מאַן. [23] טאָ זאָל מען אונדז געבן צוויי אָקסן; און זאָלן זיי זיך אויסקלייבן איין אָקס, און אים צעשניידן און אַרויפלייגן אויפן האָלץ, און פייער זאָלן זיי ניט אונטערלייגן. און איך וועל מאַכן דעם אַנדער אָקס, און אַרויפטאָן אויפן האָלץ, און פייער וועל איך ניט אונטערלייגן. [24] און איר וועט רופן צו דעם נאָמען פון אַייער גאָט, און איך וועל רופן צו דעם נאָמען פון יהוה; און עס וועט זיין, דער גאָט וואָס וועט ענטפערן מיט פייער, ער איז גאָט.

האָט זיך אָפּגערופן דאָס גאַנצע פאָלק און האָט געזאָגט: וויל גערעדט!

[25] האָט אֵלִיָהו געזאָגט צו די נביאים פון בַּעַל: קלייבט אַייך אויס איין אָקס, און מאַכט אים צוערשט, וואָרום איר זייט די פיל; און רופט צו דעם נאָמען פון אַייער גאָט, און פייער זאָלט איר ניט אונטערלייגן.

[26] האָבן זיי גענומען דעם אָקס וואָס מע האָט זיי גע־געבן, און זיי האָבן אים געמאַכט, און האָבן גערופן צו דעם נאָמען פון בַּעַל, פון פרימאָרגן ביזן מיטן טאָג, אַזוי צו זאָגן: בַּעַל, ענטפער אונדז! אָבער קיין קָול און קיין ענטפער. און זיי האָבן געהונקען אַרום דעם מזבח וואָס מע האָט געמאַכט. [27] און עס איז געווען אין מיטן טאָג, האָט אֵלִיָהו געשפּעט פון זיי, און ער האָט געזאָגט: רופט אויף אַ הויכן קָול, וואָרום ער איז אַ גאָט; ער האָט זיך מסתם פאַררעדט, אָדער ער איז אַוועק אָן אַ זייט, אָדער ער איז אין וועג; אפשר שלאָפט ער, און וועט זיך אויפכאַפּן.

[28] און זיי האָבן גערופן אויף אַ הויכן קָול, און האָבן זיך אַיינגעשניטן, אַזוי ווי זייער שטייגער, מיט שווערדן און מיט שפּיזן, ביז בלוט האָט זיך געגאָסן אויף זיי. [29] און עס איז געווען, אַז דער מיטן טאָג איז אַריבער, האָבן זיי נביאות גע־זאָגט ביז ווען מע ברענגט אויף דעם אָוונט־קרבן, אָבער קיין קָול און קיין ענטפער און קיין הערונג.

[30] האָט אֵלִיָהו געזאָגט צום גאַנצן פאָלק: גענענט צו מיר. האָט דאָס גאַנצע פאָלק גענענט צו אים, און ער האָט פאַרריכט דעם צעשטערטן מזבח פון יהוה. [31] און אֵלִיָהו האָט גענומען צוועלף שטיינער אַזוי ווי די צאָל פון די שבטים פון די קינדער פון יעקב, וואָס דאָס וואָרט פון גאָט איז געווען צו אים, אַזוי צו זאָגן: ישראל זאָל זיין דיין נאָמען[א]. [32] און ער האָט אויפגעבויט פון די שטיינער אַ מזבח צו דעם נאָמען פון יהוה, און האָט געמאַכט אַ גראָבן, גרויס ווי פאַר צוויי סְאָה זריעה, רונד אַרום מזבח. [33] און ער האָט אויסגעלייגט דאָס האָלץ, און צעשניטן דעם אָקס, און אַרויפּגעטאָן אויפן האָלץ. [34] און ער האָט געזאָגט: פילט אָן פיר קריג מיט וואַסער, און גיסט אַרויף אויף דעם בראַנדאָפּפער און אויפן האָלץ. און ער האָט געזאָגט: טוט עס אַ צווייט מאָל; און זיי האָבן עס געטאָן אַ צווייט מאָל. האָט ער געזאָגט:

[א] זע בראשית לב, 29.

הָאֱלֹהִים לְכוּ אַחֲרָיו וְאִם־הַבַּעַל לְכוּ אַחֲרָיו וְלֹא־עָנוּ
כב הָעָם אֹתוֹ דָּבָר: וַיֹּאמֶר אֵלִיָּהוּ אֶל־הָעָם אֲנִי נוֹתַרְתִּי
נָבִיא לַיהוָה לְבַדִּי וּנְבִיאֵי הַבַּעַל אַרְבַּע־מֵאוֹת וַחֲמִשִּׁים
כג אִישׁ: וְיִתְּנוּ־לָנוּ שְׁנַיִם פָּרִים וְיִבְחֲרוּ לָהֶם הַפָּר הָאֶחָד
וִינַתְּחֻהוּ וְיָשִׂימוּ עַל־הָעֵצִים וְאֵשׁ לֹא יָשִׂימוּ וַאֲנִי אֶעֱשֶׂה ׀
אֶת־הַפָּר הָאֶחָד וְנָתַתִּי עַל־הָעֵצִים וְאֵשׁ לֹא אָשִׂים:
כד וּקְרָאתֶם בְּשֵׁם אֱלֹהֵיכֶם וַאֲנִי אֶקְרָא בְשֵׁם־יְהוָה וְהָיָה
הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר־יַעֲנֶה בָאֵשׁ הוּא הָאֱלֹהִים וַיַּעַן כָּל־הָעָם
כה וַיֹּאמְרוּ טוֹב הַדָּבָר: וַיֹּאמֶר אֵלִיָּהוּ לִנְבִיאֵי הַבַּעַל בַּחֲרוּ
לָכֶם הַפָּר הָאֶחָד וַעֲשׂוּ רִאשֹׁנָה כִּי אַתֶּם הָרַבִּים וְקִרְאוּ
כו בְּשֵׁם אֱלֹהֵיכֶם וְאֵשׁ לֹא תָשִׂימוּ: וַיִּקְחוּ אֶת־הַפָּר אֲשֶׁר־
נָתַן לָהֶם וַיַּעֲשׂוּ וַיִּקְרְאוּ בְשֵׁם־הַבַּעַל מֵהַבֹּקֶר וְעַד־
הַצָּהֳרַיִם לֵאמֹר הַבַּעַל עֲנֵנוּ וְאֵין קוֹל וְאֵין עֹנֶה וַיְפַסְּחוּ
כז עַל־הַמִּזְבֵּחַ אֲשֶׁר עָשָׂה: וַיְהִי בַצָּהֳרַיִם וַיְהַתֵּל בָּהֶם
אֵלִיָּהוּ וַיֹּאמֶר קִרְאוּ בְקוֹל־גָּדוֹל כִּי־אֱלֹהִים הוּא כִּי־שִׂיחַ
כח וְכִי־שִׂיג לוֹ וְכִי־דֶרֶךְ לוֹ אוּלַי יָשֵׁן הוּא וְיִקָץ: וַיִּקְרְאוּ
בְּקוֹל גָּדוֹל וַיִּתְגֹּדְדוּ כְּמִשְׁפָּטָם בַּחֲרָבוֹת וּבָרְמָחִים עַד־
כט שְׁפָךְ־דָּם עֲלֵיהֶם: וַיְהִי כַּעֲבֹר הַצָּהֳרַיִם וַיִּתְנַבְּאוּ עַד
ל לַעֲלוֹת הַמִּנְחָה וְאֵין־קוֹל וְאֵין־עֹנֶה וְאֵין קָשֶׁב: וַיֹּאמֶר
אֵלִיָּהוּ לְכָל־הָעָם גְּשׁוּ אֵלַי וַיִּגְּשׁוּ כָל־הָעָם אֵלָיו וַיְרַפֵּא
לא אֶת־מִזְבַּח יְהוָה הֶהָרוּס: וַיִּקַּח אֵלִיָּהוּ שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה
אֲבָנִים כְּמִסְפַּר שִׁבְטֵי בְנֵי־יַעֲקֹב אֲשֶׁר הָיָה דְבַר־יְהוָה
לב אֵלָיו לֵאמֹר יִשְׂרָאֵל יִהְיֶה שְׁמֶךָ: וַיִּבְנֶה אֶת־הָאֲבָנִים
מִזְבֵּחַ בְּשֵׁם יְהוָה וַיַּעַשׂ תְּעָלָה כְּבֵית סָאתַיִם זֶרַע סָבִיב
לג לַמִּזְבֵּחַ: וַיַּעֲרֹךְ אֶת־הָעֵצִים וַיְנַתַּח אֶת־הַפָּר וַיָּשֶׂם עַל־
לד הָעֵצִים: וַיֹּאמֶר מִלְאוּ אַרְבָּעָה כַדִּים מַיִם וְיִצְקוּ עַל־
הָעֹלָה וְעַל־הָעֵצִים וַיֹּאמֶר שְׁנוּ וַיִּשְׁנוּ וַיֹּאמֶר שַׁלֵּשׁוּ

כו' סבירין עשו

לה וַיְשַׁלֵּשׁוּ׃ וַיֵּלְכוּ הַמַּיִם סָבִיב לַמִּזְבֵּחַ וְגַם אֶת־הַתְּעָלָה
לו מִלֵּא־מָיִם׃ וַיְהִי ׀ בַּעֲלוֹת הַמִּנְחָה וַיִּגַּשׁ אֵלִיָּהוּ הַנָּבִיא
וַיֹּאמַר יְהוָה אֱלֹהֵי אַבְרָהָם יִצְחָק וְיִשְׂרָאֵל הַיּוֹם יִוָּדַע כִּי־
אַתָּה אֱלֹהִים בְּיִשְׂרָאֵל וַאֲנִי עַבְדֶּךָ וּבִדְבָרְךָ עָשִׂיתִי אֵת
לז כָּל־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ עֲנֵנִי יְהוָה עֲנֵנִי וְיֵדְעוּ הָעָם הַזֶּה
כִּי־אַתָּה יְהוָה הָאֱלֹהִים וְאַתָּה הֲסִבֹּתָ אֶת־לִבָּם אֲחֹרַנִּית׃
לח וַתִּפֹּל אֵשׁ־יְהוָה וַתֹּאכַל אֶת־הָעֹלָה וְאֶת־הָעֵצִים וְאֶת־
הָאֲבָנִים וְאֶת־הֶעָפָר וְאֶת־הַמַּיִם אֲשֶׁר־בַּתְּעָלָה לִחֵכָה׃
לט וַיַּרְא כָּל־הָעָם וַיִּפְּלוּ עַל־פְּנֵיהֶם וַיֹּאמְרוּ יְהוָה הוּא
מ הָאֱלֹהִים יְהוָה הוּא הָאֱלֹהִים׃ וַיֹּאמֶר אֵלִיָּהוּ לָהֶם
תִּפְשׂוּ ׀ אֶת־נְבִיאֵי הַבַּעַל אִישׁ אַל־יִמָּלֵט מֵהֶם וַיִּתְפְּשׂוּם
מא וַיּוֹרִדֵם אֵלִיָּהוּ אֶל־נַחַל קִישׁוֹן וַיִּשְׁחָטֵם שָׁם׃ וַיֹּאמֶר
אֵלִיָּהוּ לְאַחְאָב עֲלֵה אֱכֹל וּשְׁתֵה כִּי־קוֹל הֲמוֹן הַגָּשֶׁם׃
מב וַיַּעֲלֶה אַחְאָב לֶאֱכֹל וְלִשְׁתּוֹת וְאֵלִיָּהוּ עָלָה אֶל־רֹאשׁ
מג הַכַּרְמֶל וַיִּגְהַר אַרְצָה וַיָּשֶׂם פָּנָיו בֵּין בִּרְכָּו׃ וַיֹּאמֶר אֶל־
נַעֲרוֹ עֲלֵה־נָא הַבֵּט דֶּרֶךְ־יָם וַיַּעַל וַיַּבֵּט וַיֹּאמֶר אֵין
מד מְאוּמָה וַיֹּאמֶר שֻׁב שֶׁבַע פְּעָמִים׃ וַיְהִי בַּשְּׁבִעִית וַיֹּאמֶר
הִנֵּה־עָב קְטַנָּה כְּכַף־אִישׁ עֹלָה מִיָּם וַיֹּאמֶר עֲלֵה אֱמֹר
מה אֶל־אַחְאָב אֱסֹר וָרֵד וְלֹא יַעַצָרְכָה הַגָּשֶׁם׃ וַיְהִי ׀ עַד־
כֹּה וְעַד־כֹּה וְהַשָּׁמַיִם הִתְקַדְּרוּ עָבִים וְרוּחַ וַיְהִי גֶּשֶׁם
מו גָּדוֹל וַיִּרְכַּב אַחְאָב וַיֵּלֶךְ יִזְרְעֶאלָה׃ וְיַד־יְהוָה הָיְתָה
אֶל־אֵלִיָּהוּ וַיְשַׁנֵּס מָתְנָיו וַיָּרָץ לִפְנֵי אַחְאָב עַד־בֹּאֲכָה
יִזְרְעֶאלָה׃

יט

א וַיַּגֵּד אַחְאָב לְאִיזֶבֶל אֵת כָּל־אֲשֶׁר עָשָׂה אֵלִיָּהוּ וְאֵת כָּל־
ב אֲשֶׁר הָרַג אֶת־כָּל־הַנְּבִיאִים בֶּחָרֶב׃ וַתִּשְׁלַח אִיזֶבֶל
מַלְאָךְ אֶל־אֵלִיָּהוּ לֵאמֹר כֹּה־יַעֲשׂוּן אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִפוּן

---

יח, לו׳ כ״א לישראל יהוה ה׳ לט׳ ע״כ מב׳ ברכיו קרי ׳
מו׳ הפטרת פנחס לפני יז בתמוז

טוט עס אַ דריט מאָל; און זיי האָבן עס געטאָן אַ דריט מאָל. [35] און דאָס וואַסער איז געגאַנגען רונד אַרום מזבח; און אויך דעם גראָבן האָט ער אָנגעפילט מיט וואַסער.

[36] און עס איז געווען ווען מע ברענגט אויף דעם אָוונט־קרבן, האָט אֵלִיָהוּ הנביא גענענט און האָט געזאָגט: יהוה דו גאָט פון אַברהם, יצחק, און ישׂראל, זאָל הײַנט באַוווסט ווערן אַז דו ביסט גאָט אין ישׂראל, און איך בין דײַן קנעכט, און דורך דײַן וואָרט האָב איך געטאָן אַלע דידאָזיקע זאַכן. [37] ענטפער מיר, יהוה, ענטפער מיר, און זאָל דאָסדאָזיקע פאָלק וויסן אַז דו יהוה ביסט גאָט; אַזיסט קערסטו אָפּ זייער האַרץ אַהינטער.

[38] איז אַראָפּגעפאַלן אַ פײַער פון גאָט, און האָט פאַרצערט דאָס בראַנדאָפּפער, און דאָס האָלץ, און די שטיינער, און די ערד; אַפילו דאָס וואַסער וואָס אין גראָבן האָט עס אויסגעלעקט. [39] און דאָס גאַנצע פאָלק האָט געזען, און זיי זײַנען געפאַלן אויף זייער פנים, און האָבן געזאָגט: יהוה, ער איז גאָט! יהוה, ער איז גאָט!

[40] האָט אֵלִיָהוּ צו זיי געזאָגט: כאַפּט די נביאים פון בַּעַל; קיינער זאָל ניט אַנטרונען ווערן פון זיי.

האָבן זיי זיי געכאַפּט, און אֵלִיָהוּ האָט זיי געמאַכט נידערן צום טײַך קישון, און האָט זיי דאָרטן געשאָכטן.

[41] און אֵלִיָהוּ האָט געזאָגט צו אַחְאָבן: גיי אַרויף, עס און טרינק, וואָרום עס איז אַ גערויש פון אַ סך רעגן.

[42] איז אַחְאָב אַרויפגעגאַנגען עסן און טרינקען. און אֵלִיָהוּ איז אַרויפגעגאַנגען אויפן שפּיץ כַּרמֶל, און האָט זיך אײַנגעבויגן צו דער ערד, און אַרײַנגעטאָן זײַן פּנים צווישן זײַנע קני. [43] און ער האָט געזאָגט צו זײַן יונג: גיי אַקאָרשט אַרויף, טו אַ קוק קעגן ים.

איז ער אַרויפגעגאַנגען און האָט געקוקט, און ער האָט געזאָגט: ניטאָ גאָרנישט.

האָט ער געזאָגט: „גיי ווידער", זיבן מאָל. [44] און עס איז געווען אויפן זיבעטן מאָל, האָט ער געזאָגט: זע, אַ קליין וואָלקנדל אַזוי ווי די האַנט פון אַ מענטשן גייט אויף פון ים. האָט ער געזאָגט: גיי אַרויף, זאָג צו אַחְאָבן: שפּאַן אײַן און נידער אַראָפּ, כדי דער רעגן זאָל דיך ניט פאַרהאַלטן.

[45] און עס איז געווען, אײדער וואָס ווען איז דער הימל שוואַרץ געוואָרן פון וואָלקנס און געוויטער, און עס איז געוואָרן אַ גרויסער רעגן. און אַחְאָב האָט זיך אַרויפגעזעצט, און איז אַוועק קיין יִזרְעֶאל.

[46] און די האַנט פון גאָט איז געווען אויף אֵלִיָהוּן, און ער האָט אָנגעגורט זײַנע לענדן, און איז געלאָפן פאַרויס פאַר אַחְאָבן ביז ווו דו קומסט קיין יִזרְעֶאל.

יט [1] און אַחְאָב האָט דערציילט איזֶבלען אַלץ וואָס אֵלִיָהוּ האָט געטאָן, און אַלצדינג ווי אַזוי ער האָט געהרגעט אַלע נביאים מיטן שווערד. [2] האָט איזֶבל געשיקט אַ שליח צו אֵלִיָהוּן, אַזוי צו זאָגן: זאָלן די געטער טאָן אַזוי

ג כָּעֵת מָחָר אָשִׂים אֶת־נַפְשְׁךָ כְּנֶפֶשׁ אַחַד מֵהֶם׃ וַיַּרְא
וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אֶל־נַפְשׁוֹ וַיָּבֹא בְּאֵר שֶׁבַע אֲשֶׁר לִיהוּדָה וַיַּנַּח
ד אֶת־נַעֲרוֹ שָׁם׃ וְהוּא־הָלַךְ בַּמִּדְבָּר דֶּרֶךְ יוֹם וַיָּבֹא וַיֵּשֶׁב
תַּחַת רֹתֶם אֶחָת וַיִּשְׁאַל אֶת־נַפְשׁוֹ לָמוּת וַיֹּאמֶר ׀ רַב
ה עַתָּה יְהוָה קַח נַפְשִׁי כִּי לֹא־טוֹב אָנֹכִי מֵאֲבֹתָי׃ וַיִּשְׁכַּב
וַיִּישַׁן תַּחַת רֹתֶם אֶחָד וְהִנֵּה־זֶה מַלְאָךְ נֹגֵעַ בּוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ
ו קוּם אֱכוֹל׃ וַיַּבֵּט וְהִנֵּה מְרַאֲשֹׁתָיו עֻגַת רְצָפִים וְצַפַּחַת
ז מָיִם וַיֹּאכַל וַיֵּשְׁתְּ וַיָּשָׁב וַיִּשְׁכָּב׃ וַיָּשָׁב מַלְאַךְ יְהוָה ׀
שֵׁנִית וַיִּגַּע־בּוֹ וַיֹּאמֶר קוּם אֱכֹל כִּי רַב מִמְּךָ הַדָּרֶךְ׃
ח וַיָּקָם וַיֹּאכַל וַיִּשְׁתֶּה וַיֵּלֶךְ בְּכֹחַ ׀ הָאֲכִילָה הַהִיא אַרְבָּעִים
ט יוֹם וְאַרְבָּעִים לַיְלָה עַד הַר הָאֱלֹהִים חֹרֵב׃ וַיָּבֹא־שָׁם
אֶל־הַמְּעָרָה וַיָּלֶן שָׁם וְהִנֵּה דְבַר־יְהוָה אֵלָיו וַיֹּאמֶר לוֹ
י מַה־לְּךָ פֹה אֵלִיָּהוּ׃ וַיֹּאמֶר קַנֹּא קִנֵּאתִי לַיהוָה ׀ אֱלֹהֵי
צְבָאוֹת כִּי־עָזְבוּ בְרִיתְךָ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־מִזְבְּחֹתֶיךָ הָרָסוּ
וְאֶת־נְבִיאֶיךָ הָרְגוּ בֶחָרֶב וָאִוָּתֵר אֲנִי לְבַדִּי וַיְבַקְשׁוּ אֶת־
יא נַפְשִׁי לְקַחְתָּהּ׃ וַיֹּאמֶר צֵא וְעָמַדְתָּ בָהָר לִפְנֵי יְהוָה
וְהִנֵּה יְהוָה עֹבֵר וְרוּחַ גְּדוֹלָה וְחָזָק מְפָרֵק הָרִים וּמְשַׁבֵּר
סְלָעִים לִפְנֵי יְהוָה לֹא בָרוּחַ יְהוָה וְאַחַר הָרוּחַ רַעַשׁ לֹא
יב בָרַעַשׁ יְהוָה׃ וְאַחַר הָרַעַשׁ אֵשׁ לֹא בָאֵשׁ יְהוָה וְאַחַר
יג הָאֵשׁ קוֹל דְּמָמָה דַקָּה׃ וַיְהִי ׀ כִּשְׁמֹעַ אֵלִיָּהוּ וַיָּלֶט פָּנָיו
בְּאַדַּרְתּוֹ וַיֵּצֵא וַיַּעֲמֹד פֶּתַח הַמְּעָרָה וְהִנֵּה אֵלָיו קוֹל וַיֹּאמֶר
יד מַה־לְּךָ פֹה אֵלִיָּהוּ׃ וַיֹּאמֶר קַנֹּא קִנֵּאתִי לַיהוָה ׀ אֱלֹהֵי
צְבָאוֹת כִּי־עָזְבוּ בְרִיתְךָ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֶת־מִזְבְּחֹתֶיךָ
הָרָסוּ וְאֶת־נְבִיאֶיךָ הָרְגוּ בֶחָרֶב וָאִוָּתֵר אֲנִי לְבַדִּי וַיְבַקְשׁוּ
טו אֶת־נַפְשִׁי לְקַחְתָּהּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֵלָיו לֵךְ שׁוּב
לְדַרְכְּךָ מִדְבַּרָה דַמָּשֶׂק וּבָאתָ וּמָשַׁחְתָּ אֶת־חֲזָאֵל לְמֶלֶךְ
טז עַל־אֲרָם׃ וְאֵת יֵהוּא בֶן־נִמְשִׁי תִּמְשַׁח לְמֶלֶךְ עַל־יִשְׂרָאֵל

ג׳ למדנחאי על   ד׳ אחד קרי   י׳ יד׳ קמץ בז״ק   טו׳ דב׳ בפתח

און נאָך מער, אויב איך וועל מאָרגן אין דער צייט ניט
מאַכן דיין לעבן אַזוי ווי דאָס לעבן פון איינעם פון זיי!
3 און ווי ער האָט דאָס געזען, אַזוי איז ער אויפגע־
שטאַנען און איז אַוועק אום זיין לעבן, און איז געקומען
קיין באֵר־שֶׁבַע וואָס געהערט צו יהודה, און ער האָט
דאָרטן איבערגעלאָזט זיין יונג. 4 און ער אַליין איז גע־
גאַנגען אין מדבר אַ טאָג וועגס, און איז געקומען און האָט
זיך געזעצט אונטער אַ בעזעמביימל, און ער האָט גע־
בעטן אויף זיך דעם טויט, און האָט געזאָגט: גענוג! אַצונד,
גאָט, נעם צו מיין זעל, וואָרום איך בין ניט בעסער פון
מיינע עלטערן.

5 און ער האָט זיך געלייגט און איז אַיינגעשלאָפן
אונטער אַ בעזעמביימל. ערשט אַ מלאך רירט אים אָן,
און זאָגט צו אים: שטיי אויף, עס. 6 האָט ער זיך אומגע־
קוקט, ערשט אים צוקאָפּנס איז אַ קוכן געבאַקן אויף אָנגע־
ברענטע שטיינער, און אַ קרוג וואַסער. האָט ער געגעסן
און געטרונקען, און האָט זיך ווידער געלייגט.

7 און דער מלאך פון גאָט איז געקומען אַ צווייט
מאָל, און האָט אים אָנגערירט, און געזאָגט: שטיי אויף,
עס, וואָרום דער וועג איז צו ווייט פאַר דיר.

8 איז ער אויפגעשטאַנען, און האָט געגעסן און גע־
טרונקען, און איז געגאַנגען מיט דעם כּוח פון דעמדאָזיקן
עסן פערציק טעג און פערציק נעכט, ביז דעם באַרג פון
גאָט, חוֹרֵב. 9 און ער איז דאָרטן אַריינגעגאַנגען אין דער
הייל, און האָט דאָרטן גענעכטיקט. ערשט דאָס וואָרט
פון גאָט איז צו אים, און ער האָט צו אים געזאָגט: וואָס
טוסטו דאָ, אֵלִיָהו?

10 האָט ער געזאָגט:

אָננעמען האָב איך זיך אָנגענומען
פון וועגן יהוה דעם גאָט פון צבָאוֹת;
ווייל פאַרלאָזן דיין בונד האָבן די קינדער פון
ישׂראל,
דיינע מזבחות האָבן זיי צעשטערט,
און דיינע נביאים האָבן זיי געהרגעט מיטן שווערד;
און איך אַליין בין איבערגעבליבן,
און זיי זוכן מיין לעבן צו נעמען.

11 האָט ער געזאָגט: גיי אַרויס, און זאָלסט זיך שטעלן אויפן באַרג פאַר גאָט.
ערשט גאָט גייט פאַרביי, און אַ גרויסער און שטאַרקער שטורעם רייסט בערג און ברעכט פעלזן פאַר גאָט—ניט אין
שטורעם איז געווען גאָט; און נאָך דעם שטורעם אַן ערדציטערניש—ניט אין דער ערדציטערניש איז געווען גאָט; 12 און
נאָך דער ערדציטערניש אַ פייער—ניט אין פייער איז געווען גאָט; און נאָך דעם פייער אַ קָול פון אַ דינער שטילקייט.
13 און עס איז געווען, ווי אֵלִיָהו האָט דאָס דערהערט, אַזוי האָט ער אַיינגעוויקלט זיין פּנים אין זיין מאַנטל, און ער איז
אַרויסגעגאַנגען, און האָט זיך געשטעלט אין אַיינגאַנג פון דער הייל.
ערשט אַ קָול איז געקומען צו אים, און האָט געזאָגט: וואָס טוסטו דאָ, אֵלִיָהו?

14 האָט ער געזאָגט:

אָננעמען האָב איך זיך אָנגענומען
פון וועגן יהוה דעם גאָט פון צבָאוֹת;
ווייל פאַרלאָזן דיין בונד האָבן די קינדער פון ישׂראל,
דיינע מזבחות האָבן זיי צעשטערט,
און דיינע נביאים האָבן זיי געהרגעט מיטן שווערד;
און איך אַליין בין איבערגעבליבן,
און זיי זוכן מיין לעבן צו נעמען.

15 האָט גאָט צו אים געזאָגט: קער זיך אום אויף דיין וועג צום מדבר פון דַמֶשֶׂק, און זאָלסט קומען און זאַלבן
חֲזָאֵלן פאַר אַ מלך איבער אֲרָם. 16 און יֵהוּא דעם זון פון נִמשין זאָלסטו זאַלבן פאַר אַ מלך איבער ישׂראל,

וְאֶת־אֱלִישָׁע בֶּן־שָׁפָט מֵאָבֵל מְחוֹלָה תִּמְשַׁח לְנָבִיא
תַּחְתֶּיךָ׃ וְהָיָה הַנִּמְלָט מֵחֶרֶב חֲזָאֵל יָמִית יֵהוּא וְהַנִּמְלָט יז
מֵחֶרֶב יֵהוּא יָמִית אֱלִישָׁע׃ וְהִשְׁאַרְתִּי בְיִשְׂרָאֵל שִׁבְעַת יח
אֲלָפִים כָּל־הַבִּרְכַּיִם אֲשֶׁר לֹא־כָרְעוּ לַבַּעַל וְכָל־הַפֶּה
אֲשֶׁר לֹא־נָשַׁק לוֹ׃ וַיֵּלֶךְ מִשָּׁם וַיִּמְצָא אֶת־אֱלִישָׁע בֶּן־ יט
שָׁפָט וְהוּא חֹרֵשׁ שְׁנֵים־עָשָׂר צְמָדִים לְפָנָיו וְהוּא בִּשְׁנֵים
הֶעָשָׂר וַיַּעֲבֹר אֵלִיָּהוּ אֵלָיו וַיַּשְׁלֵךְ אַדַּרְתּוֹ אֵלָיו׃ וַיַּעֲזֹב כ
אֶת־הַבָּקָר וַיָּרָץ אַחֲרֵי אֵלִיָּהוּ וַיֹּאמֶר אֶשְּׁקָה־נָּא לְאָבִי
וּלְאִמִּי וְאֵלְכָה אַחֲרֶיךָ וַיֹּאמֶר לוֹ לֵךְ שׁוּב כִּי מֶה עָשִׂיתִי
לָךְ׃ וַיָּשָׁב מֵאַחֲרָיו וַיִּקַּח אֶת־צֶמֶד הַבָּקָר וַיִּזְבָּחֵהוּ וּבִכְלִי כא
הַבָּקָר בִּשְּׁלָם הַבָּשָׂר וַיִּתֵּן לָעָם וַיֹּאכֵלוּ וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אַחֲרֵי
אֵלִיָּהוּ וַיְשָׁרְתֵהוּ׃

## ב

וּבֶן־הֲדַד מֶלֶךְ־אֲרָם קָבַץ אֶת־כָּל־חֵילוֹ וּשְׁלֹשִׁים וּשְׁנַיִם א
מֶלֶךְ אִתּוֹ וְסוּס וָרָכֶב וַיַּעַל וַיָּצַר עַל־שֹׁמְרוֹן וַיִּלָּחֶם בָּהּ׃
וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֶל־אַחְאָב מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל הָעִירָה׃ וַיֹּאמֶר ב ג
לוֹ כֹּה אָמַר בֶּן־הֲדַד כַּסְפְּךָ וּזְהָבְךָ לִי־הוּא וְנָשֶׁיךָ וּבָנֶיךָ
הַטּוֹבִים לִי־הֵם׃ וַיַּעַן מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר כִּדְבָרְךָ אֲדֹנִי ד
הַמֶּלֶךְ לְךָ אֲנִי וְכָל־אֲשֶׁר־לִי׃ וַיָּשֻׁבוּ הַמַּלְאָכִים וַיֹּאמְרוּ ה
כֹּה־אָמַר בֶּן־הֲדַד לֵאמֹר כִּי־שָׁלַחְתִּי אֵלֶיךָ לֵאמֹר כַּסְפְּךָ
וּזְהָבְךָ וְנָשֶׁיךָ וּבָנֶיךָ לִי תִתֵּן׃ כִּי ׀ אִם־כָּעֵת מָחָר אֶשְׁלַח ו
אֶת־עֲבָדַי אֵלֶיךָ וְחִפְּשׂוּ אֶת־בֵּיתְךָ וְאֵת בָּתֵּי עֲבָדֶיךָ וְהָיָה
כָּל־מַחְמַד עֵינֶיךָ יָשִׂימוּ בְיָדָם וְלָקָחוּ׃ וַיִּקְרָא מֶלֶךְ־ ז
יִשְׂרָאֵל לְכָל־זִקְנֵי הָאָרֶץ וַיֹּאמֶר דְּעוּ־נָא וּרְאוּ כִּי רָעָה
זֶה מְבַקֵּשׁ כִּי־שָׁלַח אֵלַי לְנָשַׁי וּלְבָנַי וּלְכַסְפִּי וְלִזְהָבִי
וְלֹא מָנַעְתִּי מִמֶּנּוּ׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו כָּל־הַזְּקֵנִים וְכָל־הָעָם ח
אַל־תִּשְׁמַע וְלוֹא תֹאבֶה׃ וַיֹּאמֶר לְמַלְאֲכֵי בֶן־הֲדַד אִמְרוּ ט

---

יט, כ׳ הש׳ בחיק   כא׳ פ״ב   כ, ג׳ סבירין ויאמרו

און אֶלִישָׁע דעם זון פון שָׁפָטן, פון אָבֵל־מחוֹלָה, זאָלסטו זאַלבן פאַר אַ נביא אויף דיין אָרט. [17] און עס וועט זיין, דעם וואָס ווערט אַנטרונען פון חֲזָאֵלס שווערד, וועט טייטן יֵהוּא, און דעם וואָס ווערט אַנטרונען פון יֵהוּאס שווערד, וועט טייטן אֶלִישָׁע. [18] אָבער איך וועל איבערלאָזן אין ישׂראל זיבן טויזנט—אַלע קני וואָס האָבן ניט געקניט צו בַּעַל, און יעטוועדער מויל וואָס האָט אים ניט געקושט.

[19] איז ער אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן, און האָט גע־טראָפן אֶלִישָׁע דעם זון פון שָׁפָטן ווי ער אַקערט מיט צוועלף געשפּאַנען פאַר אים, און ער ביים צוועלפטן. איז אֵלִיָהוּ אַריבערגעגאַנגען צו אים, און האָט אַרויפגע־וואָרפן זיין מאַנטל אויף אים. [20] האָט ער איבערגעלאָזן די רינדער, און איז געלאָפן נאָך אֵלִיָהון, און האָט געזאָגט: לאָמיך, איך בעט דיך, קושן מיין פאָטער און מיין מוטער, און איך וועל גיין נאָך דיר. האָט ער צו אים געזאָגט: גיי קער זיך אום, ווארום וואָס האָב איך דיר געטאָן?

[21] האָט ער זיך אומגעקערט פון הינטער אים, און ער האָט גענומען דאָס געשפּאַן רינדער, און האָט עס גע־שאָכטן, און מיט די שפּאַנצייג פון די רינדער האָט ער אָפּגעקאָכט זייער פלייש; און ער האָט געגעבן די מענטשן, און זיי האָבן געגעסן. און ער איז אויפגעשטאַנען, און איז געגאַנגען נאָך אֵלִיָהון, און האָט אים באַדינט.

# ב

[1] און בֶּן־הֲדַד דער מלך פון אֲרָם האָט אײַנגעזאַמלט זיין גאַנצן חיל; און צוויי און דרייסיק מלכים זיינען געווען מיט אים, און פערד און רייטוועגן. און ער איז אַרויפגעגאַנגען און האָט געלעגערט אויף שומרון, און מלחמה געהאַלטן אויף איר. [2] און ער האָט געשיקט שלוחים צו אַחְאָב דעם מלך פון ישׂראל, אין שטאָט, [3] און אים גע־לאָזט זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט בֶּן־הֲדַד: דיין זילבער און דיין גאָלד איז מיינס, און דיינע ווייבער און דיינע שענסטע קינדער זיינען מיינע.

[4] האָט געענטפערט דער מלך פון ישׂראל און האָט געזאָגט: אַזוי ווי דיין וואָרט, מיין האַר מלך; דיינער בין איך, און אַלץ וואָס איך האָב.

[5] זיינען ווידער געקומען די שלוחים, און האָבן געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט בֶּן־הֲדַד, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָר, איך האָב דיר געשיקט זאָגן: דיין זילבער און דיין גאָלד, און דיינע ווייבער און דיינע קינדער זאָלסטו מיר געבן. [6] וואָרום אַז מאָרגן אין דער צייט וועל איך שיקן צו דיר מיינע קנעכט, וועלן זיי דורכזוכן דיין הויז, און די הייזער פון דיינע קנעכט; און עס וועט זיין, וווּ נאָר אַ גלוסטיקייט פון דיינע אויגן וועלן זיי אַריינטאָן אין זייער האַנט און אַוועקנעמען.

[7] האָט דער מלך פון ישׂראל גערופן אַלע עלטסטע פון לאַנד, און האָט צו זיי געזאָגט: מערקט אַקאָרשט און זעט, אַז בייז זוכט דער דאָזיקער. וואָרום ער האָט געשיקט צו מיר אום מיינע ווייבער און אום מיינע קינדער, און אום מיין זילבער און אום מיין גאָלד, און איך האָב ניט פאַרמיטן פון אים. [8] האָבן צו אים געזאָגט אַלע עלטסטע און דאָס גאַנצע פאָלק: זאָלסט ניט צוהערן און ניט אײַנוויליקן.

[9] האָט ער געזאָגט צו די שלוחים פון בֶּן־הֲדַדן: זאָגט צו מיין האַר דעם מלך: אַלץ אום וואָס דו האָסט געשיקט

צו דיין קנעכט צוערשט װעל איך טאָן, אָבער דידאָזיקע זאַך קען איך ניט טאָן.
זיינען געגאַנגען די שלוחים, און האָבן אים געבראַכט אַן ענטפער.

10 האָט בֶּן־הֲדַד געשיקט צו אים, און געזאָגט: זאָלן די געטער מיר טאָן אַזוי און נאָך מער, אויב דער שטויב פון שומרון װעט קלעקן פאַר אַ הויפן דעם גאַנצן פאָלק װאָס הינטער מיר!

11 האָט געענטפערט דער מלך פון ישׂראל און האָט געזאָגט: זאָגט [אים]: זאָל דער װאָס גורט זיך ערשט אָן, זיך ניט רימען װי דער װאָס בינדט זיך שוין אָפּ.

12 און עס איז געװען, װי [בֶּן־הֲדַד] האָט געהערט דעמדאָזיקן ענטפער, בעת ער האָט געטרונקען, ער און די מלכים, אין די ביידלעך, אַזוי האָט ער געזאָגט צו זיינע קנעכט: שטעלט אויס! און זיי האָבן אויסגעשטעלט אַקעגן דער שטאָט.

13 ערשט איינער אַ נביא האָט גענענט צו אַחְאָב דעם מלך פון ישׂראל, און האָט געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זעסט דעם גאַנצן דאָזיקן גרויסן המון? אָט גיב איך אים היינט אין דיין האַנט, און װעסט װיסן אַז איך בין יהוה.
14 האָט אַחְאָב געזאָגט: דורך װעמען? האָט ער געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: דורך די יונגען פון די לאַנדפירשטן. האָט ער געפרעגט: װער זאָל אָנקניפּן די מלחמה? האָט ער געזאָגט: דו.

15 האָט ער איבערגעציילט די יונגען פון די לאַנדפירשטן, און זיי זיינען געװען צװיי הונדערט און צװיי און דרייסיק. און נאָך זיי האָט ער איבערגעציילט דאָס גאַנצע פאָלק, אַלע קינדער פון ישׂראל—זיבן טויזנט.

16 זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען אין מיטן טאָג, בעת בֶּן־הֲדַד האָט זיך שיכּור געטרונקען אין די ביידלעך, ער און די מלכים—די צװיי און דרייסיק מלכים װאָס האָבן אים געהאָלפן. 17 און די יונגען פון די לאַנדפירשטן זיינען אַרויסגעגאַנגען צוערשט; און בֶּן־הֲדַד האָט געשיקט, און מע האָט אים אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: מענטשן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון שומרון. 18 האָט ער געזאָגט: סיי זיי זיינען פאַר שלום אַרויסגעגאַנגען, כאַפּט זיי לעבעדיקערהייט, און סיי זיי זיינען פאַר מלחמה אַרויסגעגאַנגען, לעבעדיקערהייט כאַפּט זיי.

19 און די זיינען אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט—די יונגען פון די לאַנדפירשטן, און דער חיל װאָס הינטער זיי. 20 און זיי האָבן געשלאָגן איטלעכער זיין מאַן, און די אַרַמים זיינען אַנטלאָפן, און ישׂראל האָט זיי נאָכגעיאָגט. און בֶּן־הֲדַד דער מלך פון אַרָם איז אַנטרונען געװאָרן אויף אַ פערד מיט רייטער.

21 און דער מלך פון ישׂראל איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט געשלאָגן די פערד און די רייטװעגן, און געשלאָגן צװישן אַרָם אַ גרויסן שלאַק.

22 און דער נביא האָט גענענט צו דעם מלך פון ישׂראל, און האָט צו אים געזאָגט: גיי פאַרשטאַרק זיך, און מערק און זע װאָס דו זאָלסט טאָן, װאָרום צום אומקער פון יאָר קומט דער מלך פון אַרָם אַרויף אויף דיר.

23 און די קנעכט פון דעם מלך פון אַרָם האָבן צו אים געזאָגט: אַ גאָט פון בערג איז זייער גאָט, דרום זיינען זיי געװען

לַאדֹנִי הַמֶּלֶךְ כֹּל אֲשֶׁר־שָׁלַחְתָּ אֶל־עַבְדְּךָ בָרִאשֹׁנָה
אֶעֱשֶׂה וְהַדָּבָר הַזֶּה לֹא אוּכַל לַעֲשׂוֹת וַיֵּלְכוּ הַמַּלְאָכִים
י וַיְשִׁבֻהוּ דָּבָר׃ וַיִּשְׁלַח אֵלָיו בֶּן־הֲדַד וַיֹּאמֶר כֹּה־יַעֲשׂוּן
לִי אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִפוּ אִם־יִשְׂפֹּק עֲפַר שֹׁמְרוֹן לִשְׁעָלִים
יא לְכָל־הָעָם אֲשֶׁר בְּרַגְלָי׃ וַיַּעַן מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר דַּבְּרוּ
יב אַל־יִתְהַלֵּל חֹגֵר כִּמְפַתֵּחַ׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה
וְהוּא שֹׁתֶה הוּא וְהַמְּלָכִים בַּסֻּכּוֹת וַיֹּאמֶר אֶל־עֲבָדָיו
יג שִׂימוּ וַיָּשִׂימוּ עַל־הָעִיר׃ וְהִנֵּה ׀ נָבִיא אֶחָד נִגַּשׁ אֶל־
אַחְאָב מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר כֹּה אָמַר יְהוָה הֲרָאִיתָ אֵת
כָּל־הֶהָמוֹן הַגָּדוֹל הַזֶּה הִנְנִי נֹתְנוֹ בְיָדְךָ הַיּוֹם וְיָדַעְתָּ כִּי־
יד אֲנִי יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר אַחְאָב בְּמִי וַיֹּאמֶר כֹּה־אָמַר יְהוָה
בְּנַעֲרֵי שָׂרֵי הַמְּדִינוֹת וַיֹּאמֶר מִי־יֶאְסֹר הַמִּלְחָמָה וַיֹּאמֶר
טו אָתָּה׃ וַיִּפְקֹד אֶת־נַעֲרֵי שָׂרֵי הַמְּדִינוֹת וַיִּהְיוּ מָאתַיִם
שְׁנַיִם וּשְׁלֹשִׁים וְאַחֲרֵיהֶם פָּקַד אֶת־כָּל־הָעָם כָּל־בְּנֵי
טז יִשְׂרָאֵל שִׁבְעַת אֲלָפִים׃ וַיֵּצְאוּ בַּצָּהֳרָיִם וּבֶן־הֲדַד שֹׁתֶה
שִׁכּוֹר בַּסֻּכּוֹת הוּא וְהַמְּלָכִים שְׁלֹשִׁים־וּשְׁנַיִם מֶלֶךְ עֹזֵר
יז אֹתוֹ׃ וַיֵּצְאוּ נַעֲרֵי שָׂרֵי הַמְּדִינוֹת בָּרִאשֹׁנָה וַיִּשְׁלַח בֶּן־
יח הֲדַד וַיַּגִּידוּ לוֹ לֵאמֹר אֲנָשִׁים יָצְאוּ מִשֹּׁמְרוֹן׃ וַיֹּאמֶר
אִם־לְשָׁלוֹם יָצָאוּ תִּפְשׂוּם חַיִּים וְאִם לְמִלְחָמָה יָצָאוּ
יט חַיִּים תִּפְשׂוּם׃ וְאֵלֶּה יָצְאוּ מִן־הָעִיר נַעֲרֵי שָׂרֵי הַמְּדִינוֹת
כ וְהַחַיִל אֲשֶׁר אַחֲרֵיהֶם׃ וַיַּכּוּ אִישׁ אִישׁוֹ וַיָּנֻסוּ אֲרָם וַיִּרְדְּפֵם
יִשְׂרָאֵל וַיִּמָּלֵט בֶּן־הֲדַד מֶלֶךְ אֲרָם עַל־סוּס וּפָרָשִׁים׃
כא וַיֵּצֵא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וַיַּךְ אֶת־הַסּוּס וְאֶת־הָרֶכֶב וְהִכָּה בַאֲרָם
כב מַכָּה גְדוֹלָה׃ וַיִּגַּשׁ הַנָּבִיא אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר לוֹ
לֵךְ הִתְחַזַּק וְדַע וּרְאֵה אֵת אֲשֶׁר־תַּעֲשֶׂה כִּי לִתְשׁוּבַת
כג הַשָּׁנָה מֶלֶךְ אֲרָם עֹלֶה עָלֶיךָ׃ וְעַבְדֵי מֶלֶךְ־אֲרָם
אָמְרוּ אֵלָיו אֱלֹהֵי הָרִים אֱלֹהֵיהֶם עַל־כֵּן חָזְקוּ מִמֶּנּוּ

יח׳ קמץ בטרחא

וְאוּלָם נִלָּחֵם אִתָּם בַּמִּישׁוֹר אִם־לֹא נֶחֱזַק מֵהֶם׃ וְאֶת־ כד
הַדָּבָר הַזֶּה עֲשֵׂה הָסֵר הַמְּלָכִים אִישׁ מִמְּקֹמוֹ וְשִׂים פַּחוֹת
תַּחְתֵּיהֶם׃ וְאַתָּה תִמְנֶה־לְךָ ׀ חַיִל כַּחַיִל הַנֹּפֵל מֵאוֹתָךְ כה
וְסוּס כַּסּוּס ׀ וְרֶכֶב כָּרֶכֶב וְנִלָּחֲמָה אוֹתָם בַּמִּישׁוֹר אִם־
לֹא נֶחֱזַק מֵהֶם וַיִּשְׁמַע לְקֹלָם וַיַּעַשׂ כֵּן׃ וַיְהִי לִתְשׁוּבַת כו
הַשָּׁנָה וַיִּפְקֹד בֶּן־הֲדַד אֶת־אֲרָם וַיַּעַל אֲפֵקָה לַמִּלְחָמָה
עִם־יִשְׂרָאֵל׃ וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל הָתְפָּקְדוּ וְכָלְכְּלוּ וַיֵּלְכוּ כז
לִקְרָאתָם וַיַּחֲנוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל נֶגְדָּם כִּשְׁנֵי חֲשִׂפֵי עִזִּים וַאֲרָם
מִלְאוּ אֶת־הָאָרֶץ׃ וַיִּגַּשׁ אִישׁ הָאֱלֹהִים וַיֹּאמֶר אֶל־מֶלֶךְ כח
יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר כֹּה־אָמַר יְהוָה יַעַן אֲשֶׁר אָמְרוּ אֲרָם אֱלֹהֵי
הָרִים יְהוָה וְלֹא־אֱלֹהֵי עֲמָקִים הוּא וְנָתַתִּי אֶת־כָּל־הֶהָמוֹן
הַגָּדוֹל הַזֶּה בְּיָדֶךָ וִידַעְתֶּם כִּי־אֲנִי יְהוָה׃ וַיַּחֲנוּ אֵלֶּה נֹכַח־ כט
אֵלֶּה שִׁבְעַת יָמִים וַיְהִי ׀ בַּיּוֹם הַשְּׁבִיעִי וַתִּקְרַב הַמִּלְחָמָה
וַיַּכּוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל אֶת־אֲרָם מֵאָה־אֶלֶף רַגְלִי בְּיוֹם אֶחָד׃
וַיָּנֻסוּ הַנּוֹתָרִים ׀ אֲפֵקָה אֶל־הָעִיר וַתִּפֹּל הַחוֹמָה עַל־ ל
עֶשְׂרִים וְשִׁבְעָה אֶלֶף אִישׁ הַנּוֹתָרִים וּבֶן־הֲדַד נָס וַיָּבֹא
אֶל־הָעִיר חֶדֶר בְּחָדֶר׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו עֲבָדָיו הִנֵּה־נָא לא
שָׁמַעְנוּ כִּי מַלְכֵי בֵּית יִשְׂרָאֵל כִּי־מַלְכֵי חֶסֶד הֵם נָשִׂימָה
נָּא שַׂקִּים בְּמָתְנֵינוּ וַחֲבָלִים בְּרֹאשֵׁנוּ וְנֵצֵא אֶל־מֶלֶךְ
יִשְׂרָאֵל אוּלַי יְחַיֶּה אֶת־נַפְשֶׁךָ׃ וַיַּחְגְּרוּ שַׂקִּים בְּמָתְנֵיהֶם לב
וַחֲבָלִים בְּרָאשֵׁיהֶם וַיָּבֹאוּ אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמְרוּ
עַבְדְּךָ בֶן־הֲדַד אָמַר תְּחִי־נָא נַפְשִׁי וַיֹּאמֶר הַעוֹדֶנּוּ חַי
אָחִי הוּא׃ וְהָאֲנָשִׁים יְנַחֲשׁוּ וַיְמַהֲרוּ וַיַּחְלְטוּ הֲמִמֶּנּוּ וַיֹּאמְרוּ לג
אָחִיךָ בֶן־הֲדַד וַיֹּאמֶר בֹּאוּ קָחֻהוּ וַיֵּצֵא אֵלָיו בֶּן־הֲדַד
וַיַּעֲלֵהוּ עַל־הַמֶּרְכָּבָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו הֶעָרִים אֲשֶׁר־לָקַח־ לד
אָבִי מֵאֵת אָבִיךָ אָשִׁיב וְחוּצוֹת תָּשִׂים לְךָ בְדַמֶּשֶׂק
כַּאֲשֶׁר־שָׂם אָבִי בְּשֹׁמְרוֹן וַאֲנִי בַּבְּרִית אֲשַׁלְּחֶךָּ וַיִּכְרָת־
לוֹ בְרִית וַיְשַׁלְּחֵהוּ׃ וְאִישׁ אֶחָד מִבְּנֵי הַנְּבִיאִים לה

לג׳ כ״א אל

שטאַרקער פון אונדז; לאָמיר אָבער מלחמה האַלטן מיט זיי אויף אַ גלייכן פלאַץ, אויב מיר וועלן ניט זיין שטאַרקער פון זיי! 24 און די דאָזיקע זאַך טו; טו אָפּ די מלכים איטלעכן פון זיין אָרט, און מאַך אָנפירער אָנשטאָט זיי.

25 און דו זאָלסט דיר צונויפצײלן אַ חיל אַזוי ווי דער חיל וואָס איז בײַ דיר געפאַלן, און פערד אַזוי ווי די פערד, און רייטוועגן אַזוי ווי די רייטוועגן; און לאָמיר מלחמה האַלטן מיט זיי אויף אַ גלייכן פלאַץ, אויב מיר וועלן ניט זיין שטאַרקער פון זיי! האָט ער צוגעהערט צו זייער קול, און האָט אַזוי געטאָן.

26 און עס איז געווען צום אומקער פון יאָר, האָט בֶּן־הֲדַד איבערגעציילט די אֲרָמים, און ער איז אַרויפגעגאַנגען קיין אֲפֵק אויף מלחמה מיט ישׂראל.

27 און די קינדער פון ישׂראל זיינען איבערגעציילט געוואָרן, און פאַרזאָרגט געוואָרן מיט שפּייז, און זיינען אַרויסגעגאַנגען אַקעגן זיי. און די קינדער פון ישׂראל האָבן געלאַגערט אַקעגן זיי, אַזוי ווי צוויי קליינע סטאַדעס ציגן. און די אֲרָמים האָבן אָנגעפילט דאָס לאַנד.

28 האָט דער געטלעכער מאַן גענענט, און האָט גערעדט צו דעם מלך פון ישׂראל און געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: ווייל די אֲרָמים האָבן געזאָגט: אַ גאָט פון בערג איז יהוה, און ניט אַ גאָט פון טאָלן איז ער, דרום וועל איך געבן דעם גאַנצן דאָזיקן גרויסן המון אין דיין האַנט, און איר וועט וויסן אַז איך בין יהוה.

29 און זיי האָבן געלאַגערט איינע אַקעגן די אַנדערע זיבן טעג. און עס איז געווען אויפן זיבעטן טאָג, האָט גענענט די מלחמה, און די קינדער פון ישׂראל האָבן געשלאָגן פון אֲרָם הונדערט טויזנט פוסגייער אין איין טאָג. 30 און די איבעריקע זיינען אַנטלאָפן קיין אֲפֵק, אין שטאָט; איז די מויער אײַנגעפאַלן אויף זיבן און צוואַנציק טויזנט מאַן וואָס זיינען איבערגעבליבן. און בֶּן־הֲדַד איז אַנטלאָפן און איז אַריין אין שטאָט, אין אַ קאַמער הינטער אַ קאַמער.

31 האָבן זיינע קנעכט צו אים געזאָגט: זע נאָר, מיר האָבן געהערט אַז די מלכים פון דעם הויז פון ישׂראל זיינען גענאַדיקע מלכים; לאָמיר, איך בעט דיך, אָנטאָן זאַקקליידער אויף אונדזערע לענדן, און שטריק אויף אונדזער קאָפּ, און לאָמיר אַרויסגיין צו דעם מלך פון ישׂראל, אפשר וועט ער דיך לאָזן לעבן.

32 האָבן זיי אָנגעגורט זאַקקליידער אויף זייערע לענדן, און שטריק אויף זייערע קעפּ, און זיי זיינען געקומען צו דעם מלך פון ישׂראל, און האָבן געזאָגט: דיין קנעכט בֶּן־הֲדַד האָט געזאָגט: לאָמיך לעבן, איך בעט דיך. האָט ער געזאָגט: לעבט ער נאָך? ער איז מיין ברודער.

33 און די מענטשן האָבן עס גענומען פאַר אַ צייכן, און זיי האָבן זיך געאײַלט און באַוואָרנט אויב ער מיינט עס, און האָבן געזאָגט: דיין ברודער בֶּן־הֲדַד. האָט ער געזאָגט: גייט ברענגט אים. איז אַרויסגעקומען צו אים בֶּן־הֲדַד, און ער האָט אים אַרויפגענומען אויפן רייטוואָגן. 34 און [בֶּן־הֲדַד] האָט צו אים געזאָגט: די שטעט וואָס מיין פאָטער האָט צוגענומען פון דיין פאָטער וועל איך אומקערן, און גאַסן זאָלסטו דיר מאַכן אין דַמֶשֶׂק, אַזוי ווי מיין פאָטער האָט געמאַכט אין שומרון. [האָט אַחְאָב געזאָגט:] און איך וועל דיך אַוועקלאָזן מיט דעם דאָזיקן בונד. און ער האָט אים געשלאָסן אַ בונד, און האָט אים אַוועקגעלאָזט.

[35] און איינער אַ מאַן פון די יונגע נביאים האָט גע־זאָגט צו זיין חבר דורך דעם וואָרט פון גאָט: שלאָג מיך, איך בעט דיך. און דער מאַן האָט אים ניט געוואָלט שלאָגן. [36] האָט ער געזאָגט: ווייל דו האָסט ניט צוגע־הערט צו דעם קול פון גאָט, אָט גייסטו אַוועק פון מיר, און דיך וועט דערשלאָגן אַ לייב.

און ווי ער איז אַוועקגעגאַנגען פון אים, אַזוי האָט אים אָנגעטראָפן אַ לייב, און האָט אים דערשלאָגן.

[37] האָט ער אָנגעטראָפן אַן אַנדער מאַן, און האָט געזאָגט: שלאָג מיך, איך בעט דיך. און דער מאַן האָט אים געשלאָגן, שלאָגנדיק ביז ווונדן. [38] און דער נביא איז געגאַנגען און האָט געהאַרט אויפן מלךביים וועג; און ער האָט זיך פאַרשטעלט מיטן קאָפּבאַנד איבער זיינע אויגן. [39] און עס איז געווען, ווי דער מלך איז פאַרבייגעגאַנגען, אַזוי האָט ער געשריען צום מלך און האָט געזאָגט: דיין קנעכט איז אַרויסגעגאַנגען אין דער מלחמה, ערשט אַ מאַן האָט זיך אָפּגעקערט, און האָט געבראַכט צו מיר אַ מאַן, און האָט געזאָגט: היט דעמדאָזיקן מאַן; אויב געמינערט וועט ער געמינערט ווערן, וועט דיין נפש זיין אָנשטאָט זיין נפש, אָדער אַ צענטנער זילבער וועסטו באַצאָלן. [40] און ווי דיין קנעכט איז געווען פאַרטאָן דאָ און דאָרט, אַזוי איז ער ניט געוואָרן.

האָט דער מלך פון ישׂראל צו אים געזאָגט: אַזוי זאָל זיין דיין משפּט; דו אַליין האָסט געפּסקעט.

[41] האָט ער אויף גיך אָפּגעטאָן דעם קאָפּבאַנד פון זיינע אויגן, און דער מלך פון ישׂראל האָט אים דערקענט, אַז ער איז פון די נביאים.

[42] און ער האָט צו אים געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: ווייל דו האָסט אַרויסגעלאָזט פון דער האַנט דעם מאַן פון מיין חרם, זאָל דיין נפש זיין אָנשטאָט זיין נפש, און דיין פאָלק אָנשטאָט זיין פאָלק.

[43] און דער מלך פון ישׂראל איז אַוועק צו זיין הויז צעטראָגן און פאַרבייזערט, און ער איז געקומען קיין שומרון.

אָמַר אֶל־רֵעֵהוּ בִּדְבַר יְהוָה הַכֵּינִי נָא וַיְמָאֵן הָאִישׁ
לו לְהַכֹּתוֹ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ יַעַן אֲשֶׁר לֹא־שָׁמַעְתָּ בְּקוֹל יְהוָה
הִנְּךָ הוֹלֵךְ מֵאִתִּי וְהִכְּךָ הָאַרְיֵה וַיֵּלֶךְ מֵאֶצְלוֹ וַיִּמְצָאֵהוּ
לז הָאַרְיֵה וַיַּכֵּהוּ׃ וַיִּמְצָא אִישׁ אַחֵר וַיֹּאמֶר הַכֵּינִי נָא וַיַּכֵּהוּ
לח הָאִישׁ הַכֵּה וּפָצֹעַ׃ וַיֵּלֶךְ הַנָּבִיא וַיַּעֲמֹד לַמֶּלֶךְ עַל־הַדָּרֶךְ
לט וַיִּתְחַפֵּשׂ בָּאֲפֵר עַל־עֵינָיו׃ וַיְהִי הַמֶּלֶךְ עֹבֵר וְהוּא צָעַק
אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר עַבְדְּךָ ׀ יָצָא בְקֶרֶב־הַמִּלְחָמָה וְהִנֵּה־
אִישׁ סָר וַיָּבֵא אֵלַי אִישׁ וַיֹּאמֶר שְׁמֹר אֶת־הָאִישׁ הַזֶּה
אִם־הִפָּקֵד יִפָּקֵד וְהָיְתָה נַפְשְׁךָ תַּחַת נַפְשׁוֹ אוֹ כִכַּר־
מ כֶּסֶף תִּשְׁקוֹל׃ וַיְהִי עַבְדְּךָ עֹשֵׂה הֵנָּה וָהֵנָּה וְהוּא אֵינֶנּוּ
וַיֹּאמֶר אֵלָיו מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל כֵּן מִשְׁפָּטֶךָ אַתָּה חָרָצְתָּ׃
מא וַיְמַהֵר וַיָּסַר אֶת־הָאֲפֵר מֵעֲלֵ עֵינָיו וַיַּכֵּר אֹתוֹ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל
מב כִּי מֵהַנְּבִאִים הוּא׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו כֹּה אָמַר יְהוָה יַעַן
שִׁלַּחְתָּ אֶת־אִישׁ־חֶרְמִי מִיָּד וְהָיְתָה נַפְשְׁךָ תַּחַת נַפְשׁוֹ
מג וְעַמְּךָ תַּחַת עַמּוֹ׃ וַיֵּלֶךְ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל עַל־בֵּיתוֹ סַר וְזָעֵף
וַיָּבֹא שֹׁמְרוֹנָה׃

## כא

א וַיְהִי אַחַר הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה כֶּרֶם הָיָה לְנָבוֹת הַיִּזְרְעֵאלִי
ב אֲשֶׁר בְּיִזְרְעֶאל אֵצֶל הֵיכַל אַחְאָב מֶלֶךְ שֹׁמְרוֹן׃ וַיְדַבֵּר
אַחְאָב אֶל־נָבוֹת ׀ לֵאמֹר ׀ תְּנָה־לִּי אֶת־כַּרְמְךָ וִיהִי־לִי לְגַן
יָרָק כִּי הוּא קָרוֹב אֵצֶל בֵּיתִי וְאֶתְּנָה לְךָ תַּחְתָּיו כֶּרֶם טוֹב
ג מִמֶּנּוּ אִם טוֹב בְּעֵינֶיךָ אֶתְּנָה־לְךָ כֶסֶף מְחִיר זֶה׃ וַיֹּאמֶר
נָבוֹת אֶל־אַחְאָב חָלִילָה לִּי מֵיְהוָה מִתִּתִּי אֶת־נַחֲלַת
ד אֲבֹתַי לָךְ׃ וַיָּבֹא אַחְאָב אֶל־בֵּיתוֹ סַר וְזָעֵף עַל־הַדָּבָר
אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֵלָיו נָבוֹת הַיִּזְרְעֵאלִי וַיֹּאמֶר לֹא־אֶתֵּן לְךָ אֶת־
נַחֲלַת אֲבוֹתָי וַיִּשְׁכַּב עַל־מִטָּתוֹ וַיַּסֵּב אֶת־פָּנָיו וְלֹא־אָכַל
ה לָחֶם׃ וַתָּבֹא אֵלָיו אִיזֶבֶל אִשְׁתּוֹ וַתְּדַבֵּר אֵלָיו מַה־זֶּה

כ, לח׳ כ״א על   מא׳ מעלי קרי   מג׳ דס׳ בפתח   כא, ד׳ דס׳ בפתח

## כא

[1] און עס איז געווען נאָך דידאָזיקע געשעענישן: נָבות דער יִזרעאֵלי האָט געהאַט אַ וויינגאָרטן וואָס איז געווען אין יִזרְעֶאל לעבן דעם פּאַלאַץ פון אַחְאָב דעם מלך פון שומרון. [2] האָט אַחְאָב געזאָגט צו נָבותן, אַזוי צו זאָגן: גיב מיר דיין וויינגאָרטן, כּדי ער זאָל מיר זיין פאַר אַ גאָרטן פון גרינס, ווייל ער איז נאָענט לעבן מיין הויז, און איך וועל דיר געבן אָנשטאָט אים אַ וויינגאָרטן אַ בעסערן פון אים. אָדער אויב אין דיינע אויגן איז בעסער, וועל איך דיר געבן געלט אין מקח פון דעם. [3] האָט נָבות געזאָגט צו אַחְאָבן: באַהיט מיך גאָט, איך זאָל דיר אָפּגעבן די נחלה פון מיינע עלטערן.

[4] איז אַחְאָב געקומען אין זיין הויז צעטראָגן און פאַרבייזערט איבער דעם וואָרט וואָס נָבות דער יִזרעאֵלי האָט צו אים גערעדט, אַז ער האָט געזאָגט: איך וועל דיר ניט אָפּגעבן די נחלה פון מיינע עלטערן. און ער האָט זיך געלייגט אויף זיין בעט, און האָט אומגעדרייט זיין פּנים, און ניט געגעסן קיין שפּייז.

[5] איז צוגעקומען צו אים זיין ווייב איזֶבל, און האָט צו אים געזאָגט: וואָס איז דאָס דיין געמיט צעטראָגן, און דו

רוּחֲךָ סָרָה וְאֵינְךָ אֹכֵל לָחֶם׃ וַיְדַבֵּר אֵלֶיהָ כִּי־אֲדַבֵּר ו
אֶל־נָבוֹת הַיִּזְרְעֵאלִי וָאֹמַר לוֹ תְּנָה־לִּי אֶת־כַּרְמְךָ בְּכֶסֶף
אוֹ אִם־חָפֵץ אַתָּה אֶתְּנָה־לְךָ כֶרֶם תַּחְתָּיו וַיֹּאמֶר לֹא־
אֶתֵּן לְךָ אֶת־כַּרְמִי׃ וַתֹּאמֶר אֵלָיו אִיזֶבֶל אִשְׁתּוֹ אַתָּה עַתָּה ז
תַּעֲשֶׂה מְלוּכָה עַל־יִשְׂרָאֵל קוּם אֱכָל־לֶחֶם וְיִטַב לִבֶּךָ אֲנִי
אֶתֵּן לְךָ אֶת־כֶּרֶם נָבוֹת הַיִּזְרְעֵאלִי׃ וַתִּכְתֹּב סְפָרִים בְּשֵׁם ח
אַחְאָב וַתַּחְתֹּם בְּחֹתָמוֹ וַתִּשְׁלַח הַסְּפָרִים אֶל־הַזְּקֵנִים
וְאֶל־הַחֹרִים אֲשֶׁר בְּעִירוֹ הַיֹּשְׁבִים אֶת־נָבוֹת׃ וַתִּכְתֹּב ט
בַּסְּפָרִים לֵאמֹר קִרְאוּ־צוֹם וְהוֹשִׁיבוּ אֶת־נָבוֹת בְּרֹאשׁ הָעָם׃
וְהוֹשִׁיבוּ שְׁנַיִם אֲנָשִׁים בְּנֵי־בְלִיַּעַל נֶגְדּוֹ וִיעִדֻהוּ לֵאמֹר י
בֵּרַכְתָּ אֱלֹהִים וָמֶלֶךְ וְהוֹצִיאֻהוּ וְסִקְלֻהוּ וְיָמֹת׃ וַיַּעֲשׂוּ יא
אַנְשֵׁי עִירוֹ הַזְּקֵנִים וְהַחֹרִים אֲשֶׁר הַיֹּשְׁבִים בְּעִירוֹ כַּאֲשֶׁר
שָׁלְחָה אֲלֵיהֶם אִיזָבֶל כַּאֲשֶׁר כָּתוּב בַּסְּפָרִים אֲשֶׁר
שָׁלְחָה אֲלֵיהֶם׃ קָרְאוּ צוֹם וְהֹשִׁיבוּ אֶת־נָבוֹת בְּרֹאשׁ יב
הָעָם׃ וַיָּבֹאוּ שְׁנֵי הָאֲנָשִׁים בְּנֵי־בְלִיַּעַל וַיֵּשְׁבוּ נֶגְדּוֹ וַיְעִדֻהוּ יג
אַנְשֵׁי הַבְּלִיַּעַל אֶת־נָבוֹת נֶגֶד הָעָם לֵאמֹר בֵּרַךְ נָבוֹת
אֱלֹהִים וָמֶלֶךְ וַיֹּצִאֻהוּ מִחוּץ לָעִיר וַיִּסְקְלֻהוּ בָאֲבָנִים וַיָּמֹת׃
וַיִּשְׁלְחוּ אֶל־אִיזֶבֶל לֵאמֹר סֻקַּל נָבוֹת וַיָּמֹת׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ יד טו
אִיזֶבֶל כִּי־סֻקַּל נָבוֹת וַיָּמֹת וַתֹּאמֶר אִיזֶבֶל אֶל־אַחְאָב
קוּם רֵשׁ אֶת־כֶּרֶם ׀ נָבוֹת הַיִּזְרְעֵאלִי אֲשֶׁר מֵאֵן לָתֶת־
לְךָ בְכֶסֶף כִּי אֵין נָבוֹת חַי כִּי־מֵת׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ אַחְאָב טז
כִּי מֵת נָבוֹת וַיָּקָם אַחְאָב לָרֶדֶת אֶל־כֶּרֶם נָבוֹת הַיִּזְרְעֵאלִי
לְרִשְׁתּוֹ׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי לֵאמֹר׃ יז
קוּם רֵד לִקְרַאת אַחְאָב מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר בְּשֹׁמְרוֹן יח
הִנֵּה בְּכֶרֶם נָבוֹת אֲשֶׁר־יָרַד שָׁם לְרִשְׁתּוֹ׃ וְדִבַּרְתָּ אֵלָיו יט
לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה הֲרָצַחְתָּ וְגַם־יָרָשְׁתָּ וְדִבַּרְתָּ אֵלָיו
לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה בִּמְקוֹם אֲשֶׁר לָקְקוּ הַכְּלָבִים אֶת־

ח׳ ספרים קרי

עסט ניט קיין שפּייז? [6] האָט ער צו איר געזאָגט: ווייל איך האָב גערעדט צו נָבוֹת דעם יִזרעאֵלי, און איך האָב צו אים געזאָגט: גיב מיר דיין ווייגאָרטן פאַר געלט, אָדער אויב דו ווילסט, וועל איך דיר געבן אַן אַנדער ווייגאָרטן אָנשטאָט אים; און ער האָט געזאָגט: איך וועל דיר ניט אָפּגעבן מיין ווייגאָרטן.

[7] האָט זיין ווייב איזֶבל צו אים געזאָגט: פירסט דו אַצונד די מלוכה איבער ישׂראל? שטיי אויף, עס שפּייז, און זאָל דיין האַרץ זיין פריילעך. איך וועל דיר געבן דעם ווייגאָרטן פון נָבוֹת דעם יִזרעאֵלי.

[8] און זי האָט געשריבן בריוו אין אַחְאָבס נאָמען, און פאַרזיגלט מיט זיין זיגל, און האָט געשיקט די בריוו צו די עלטסטע און צו די אַדללייט וואָס אין זיין שטאָט, וואָס האָבן געוווינט מיט נָבוֹתן. [9] און זי האָט געשריבן אין די בריוו, אַזוי צו זאָגן: רופט אויס אַ תָּענית, און זעצט אַוועק נָבוֹתן אויבנאָן פון פאָלק. [10] און זעצט אַוועק צוויי מענטשן, נידערטרעכטיקע יונגען, אַקעגן אים, זיי זאָלן עדות זאָגן אויף אים, אַזוי צו זאָגן: האָסט געלעסטערט גאָט און דעם מלך. און פירט אים אַרויס, און פאַרשטיינט אים, און ער זאָל שטאַרבן.

[11] האָבן די מענטשן פון זיין שטאָט, און די עלטסטע און די אַדללייט וואָס האָבן געוווינט אין זיין שטאָט, געטאָן אַזוי ווי איזֶבל האָט צו זיי געשיקט, אַזוי ווי עס איז געווען געשריבן אין די בריוו וואָס זי האָט צו זיי געשיקט. [12] זיי האָבן אויסגערופן אַ תָּענית, און האָבן אַוועקגעזעצט נָבוֹתן אויבנאָן פון פאָלק. [13] און די צוויי מענטשן, נידערטרעכטיקע יונגען, זיינען געקומען און האָבן זיך געזעצט אַקעגן אים; און די נידערטרעכטיקע יונגען האָבן עדות געזאָגט אויף אים, אויף נָבוֹתן, פאַרן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: נָבוֹת האָט געלעסטערט גאָט און דעם מלך. און מע האָט אים אַרויסגעפירט אויסן שטאָט, און אים פאַרוואָרפן מיט שטיינער, און ער איז געשטאָרבן. [14] און זיי האָבן געשיקט צו איזֶבלען, אַזוי צו זאָגן: נָבוֹת איז פאַרשטיינט געוואָרן, און ער איז טויט.

[15] און עס איז געווען, ווי איזֶבל האָט געהערט אַז נָבוֹת איז פאַרשטיינט געוואָרן, און ער איז טויט, אַזוי האָט איזֶבל געזאָגט צו אַחְאָבן: שטיי אויף, יַרשע דעם ווייגאָרטן פון נָבוֹת דעם יִזרעאֵלי, וואָס ער האָט דיר ניט געוואָלט געבן פאַר געלט. וואָרום נָבוֹת לעבט ניט, נייערט ער איז טויט.

[16] און עס איז געווען, ווי אַחְאָב האָט געהערט אַז נָבוֹת איז טויט, אַזוי איז אַחְאָב אויפגעשטאַנען אַראָפּצונידערן צו דעם ווייגאָרטן פון נָבוֹת דעם יִזרעאֵלי, כּדי אים צו ירשען.

[17] איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו אֵלִיָהוּ דעם תִּשבּי, אַזוי צו זאָגן: [18] שטיי אויף, נידער אַראָפּ אַנטקעגן אַחְאָב דעם מלך פון ישׂראל וואָס אין שומרון; אָט איז ער אין דעם ווייגאָרטן פון נָבוֹתן, וואָס ער האָט אַהין אַראָפּגענידערט, כּדי אים צו ירשען. [19] און זאָלסט רעדן צו אים, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: האָסט געהרגעט, און ווילסט אויך ירשען? און זאָלסט רעדן צו אים, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אויף דעם אָרט ווו די הינט האָבן

געלעקט דאָס בלוט פון נָבותן, וועלן די הינט לעקן אויך
דײַן בלוט.

[20] האָט אַחְאָב געזאָגט צו אֵלִיָהון: האָסט מיך אָנגע־
קריגן, שׂונא מײַנער? האָט ער געזאָגט: איך האָב דיך
אָנגעקריגן; ווײַל דו האָסט זיך אָפּגעגעבן צו טאָן וואָס
איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט. [21] זע, איך ברענג אויף
דיר אַן אומגליק, און איך וועל דיך אויסראַמען, און וועל
פאַרשניידן פון אַחְאָבן יעטוועדער מאַנספאַרשויק[א], און
קינד און קייט, צווישן ישׂראל. [22] און איך וועל מאַכן דײַן
הויז אַזוי ווי דאָס הויז פון יָרָבְעָם דעם זון פון נבָטן, און
אַזוי ווי דאָס הויז פון בַּעְשָׁא דעם זון פון אַחִיָהן, פאַר דער
דערצערענונג וואָס דו האָסט דערצערנט, און געמאַכט
זינדיקן ישׂראל. [23] און אויך אויף איזֶבלען האָט גאָט גע־
רעדט, אַזוי צו זאָגן: די הינט וועלן עסן איזֶבלען אין דעם
פסעטונגגראָבן פון יִזְרְעֶאל. [24] דעם וואָס שטאַרבט פון
אַחְאָבן אין שטאָט, וועלן די הינט אויפעסן, און דעם וואָס
שטאַרבט אין פעלד, וועלן די פויגלען פון הימל אויפעסן.

[25] פאַרוואָר, עס איז ניט געווען אַזאַ ווי אַחְאָב וואָס
האָט זיך אָפּגעגעבן צו טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן
פון גאָט, ווײַל אים האָט אָנגערעדט זײַן ווײַב איזֶבל.
[26] און ער האָט זיך באַגאַנגען זייער אומווערדיק צו גיין
נאָך די אָפּגעטער, אַזוי ווי אַלץ וואָס די אֱמורים האָבן
געטאָן, וועמען גאָט האָט פאַרטריבן פון פאַר די קינדער
פון ישׂראל.

[27] און עס איז געווען, ווי אַחְאָב האָט געהערט די־
דאָזיקע ווערטער, אַזוי האָט ער צעריסן זײַנע קליידער,
און אָנגעטאָן זאַקקלייד אויף זײַן לײַב, און האָט גע־
פאַסט; און ער איז געלעגן אין זאַקקלייד, און איז אַרומגעגאַנגען שטילערהייט.

[28] איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו אֵלִיָהו דעם תּשבי, אַזוי צו זאָגן: [29] האָסטו געזען ווי אַחְאָב איז געוואָרן
אונטערטעניק פאַר מיר? ווײַל ער איז געוואָרן אונטערטעניק פאַר מיר, וועל איך ניט ברענגען דאָס בייז אין זײַנע טעג;
אין די טעג פון זײַן זון וועל איך ברענגען דאָס בייז אויף זײַן הויז.

כ דַּם נָבוֹת יָלֹקּוּ הַכְּלָבִים אֶת־דָּמְךָ גַּם־אָתָּה׃ וַיֹּאמֶר
אַחְאָב אֶל־אֵלִיָּהוּ הַמְצָאתַנִי אֹיְבִי וַיֹּאמֶר מָצָאתִי יַעַן
כא הִתְמַכֶּרְךָ לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה׃ הִנְנִי מֵבִי אֵלֶיךָ
רָעָה וּבִעַרְתִּי אַחֲרֶיךָ וְהִכְרַתִּי לְאַחְאָב מַשְׁתִּין בְּקִיר
כב וְעָצוּר וְעָזוּב בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְנָתַתִּי אֶת־בֵּיתְךָ כְּבֵית יָרָבְעָם
בֶּן־נְבָט וּכְבֵית בַּעְשָׁא בֶן־אֲחִיָּה אֶל־הַכַּעַס אֲשֶׁר הִכְעַסְתָּ
כג וַתַּחֲטִא אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ וְגַם־לְאִיזֶבֶל דִּבֶּר יְהוָה לֵאמֹר
כד הַכְּלָבִים יֹאכְלוּ אֶת־אִיזֶבֶל בְּחֵל יִזְרְעֶאל׃ הַמֵּת לְאַחְאָב
בָּעִיר יֹאכְלוּ הַכְּלָבִים וְהַמֵּת בַּשָּׂדֶה יֹאכְלוּ עוֹף הַשָּׁמָיִם׃
כה רַק לֹא־הָיָה כְאַחְאָב אֲשֶׁר הִתְמַכֵּר לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי
כו יְהוָה אֲשֶׁר־הֵסַתָּה אֹתוֹ אִיזֶבֶל אִשְׁתּוֹ׃ וַיַּתְעֵב מְאֹד
לָלֶכֶת אַחֲרֵי הַגִּלֻּלִים כְּכֹל אֲשֶׁר עָשׂוּ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר
כז הוֹרִישׁ יְהוָה מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי כִשְׁמֹעַ אַחְאָב אֶת־
הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה וַיִּקְרַע בְּגָדָיו וַיָּשֶׂם־שַׂק עַל־בְּשָׂרוֹ וַיָּצוֹם
כח וַיִּשְׁכַּב בַּשָּׂק וַיְהַלֵּךְ אַט׃ וַיְהִי דְּבַר־יְהוָה אֶל־
כט אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי לֵאמֹר׃ הֲרָאִיתָ כִּי־נִכְנַע אַחְאָב מִלְּפָנָי
יַעַן כִּי־נִכְנַע מִפָּנַי לֹא־אָבִי הָרָעָה בְּיָמָיו בִּימֵי בְנוֹ אָבִיא
הָרָעָה עַל־בֵּיתוֹ׃

כב

א וַיֵּשְׁבוּ שָׁלֹשׁ שָׁנִים אֵין מִלְחָמָה בֵּין אֲרָם וּבֵין יִשְׂרָאֵל׃
ב וַיְהִי בַּשָּׁנָה הַשְּׁלִישִׁית וַיֵּרֶד יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־יְהוּדָה
ג אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶל־עֲבָדָיו
הַיְדַעְתֶּם כִּי־לָנוּ רָמֹת גִּלְעָד וַאֲנַחְנוּ מַחְשִׁים מִקַּחַת אֹתָהּ
ד מִיַּד מֶלֶךְ אֲרָם׃ וַיֹּאמֶר אֶל־יְהוֹשָׁפָט הֲתֵלֵךְ אִתִּי
לַמִּלְחָמָה רָמֹת גִּלְעָד וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל
ה כָּמוֹנִי כָמוֹךָ כְּעַמִּי כְעַמֶּךָ כְּסוּסַי כְּסוּסֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט
ו אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל דְּרָשׁ־נָא כַיּוֹם אֶת־דְּבַר יְהוָה׃ * וַיִּקְבֹּץ

כא, כא׳ מביא קרי   כז׳ קמץ בז״ק   פתח בס״פ
כט׳ אביא קרי   כב, ו׳ חצי הספר בפסוקים

## כב

[1] און זיי זײַנען געזעסן דרײַ יאָר אָן אַ מלחמה צווישן אַרָם און צווישן ישׂראל. [2] אָבער עס איז געווען אויפן
דריטן יאָר, האָט יהושָפָט דער מלך פון יהודה אַראָפּגענידערט צו דעם מלך פון ישׂראל. [3] און דער מלך פון
ישׂראל האָט געזאָגט צו זײַנע קנעכט: ווייסט איר אַז צו אונדז געהערט רָמות־גִלעָד? און מיר שווײַגן, און נעמען זי ניט
אַוועק פון דער האַנט פון דעם מלך פון אַרָם.

[4] און ער האָט געזאָגט צו יהושָפָטן: ווילסטו גיין מיט מיר אין מלחמה אויף רָמות־גִלעָד? האָט יהושָפָט געזאָגט צו
דעם מלך פון ישׂראל: אַזוי ווי דו אַזוי איך, אַזוי ווי דײַן פאָלק אַזוי מײַן פאָלק, אַזוי ווי דײַנע פערד אַזוי מײַנע פערד.

[5] און יהושָפָט האָט געזאָגט צו דעם מלך פון ישׂראל: פרעג הײַנט, איך בעט דיך, דאָס וואָרט פון גאָט.

[א] אין טעקסט: מַשְׁתִּין בְּקִיר.

מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַנְּבִיאִים כְּאַרְבַּע מֵאוֹת אִישׁ וַיֹּאמֶר
אֲלֵהֶם הַאֵלֵךְ עַל־רָמֹת גִּלְעָד לַמִּלְחָמָה אִם־אֶחְדָּל וַיֹּאמְרוּ
ז עֲלֵה וְיִתֵּן אֲדֹנָי בְּיַד הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט הַאֵין פֹּה
ח נָבִיא לַיהוָה עוֹד וְנִדְרְשָׁה מֵאוֹתוֹ׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל ׀
אֶל־יְהוֹשָׁפָט עוֹד אִישׁ־אֶחָד לִדְרֹשׁ אֶת־יְהוָה מֵאֹתוֹ וַאֲנִי
שְׂנֵאתִיו כִּי לֹא־יִתְנַבֵּא עָלַי טוֹב כִּי אִם־רָע מִיכָיְהוּ בֶּן
ט יִמְלָה וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט אַל־יֹאמַר הַמֶּלֶךְ כֵּן׃ וַיִּקְרָא מֶלֶךְ
יִשְׂרָאֵל אֶל־סָרִיס אֶחָד וַיֹּאמֶר מַהֲרָה מִיכָיְהוּ בֶן־יִמְלָה׃
י וּמֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וִיהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־יְהוּדָה יֹשְׁבִים אִישׁ עַל־
כִּסְאוֹ מְלֻבָּשִׁים בְּגָדִים בְּגֹרֶן פֶּתַח שַׁעַר שֹׁמְרוֹן וְכָל־
יא הַנְּבִיאִים מִתְנַבְּאִים לִפְנֵיהֶם׃ וַיַּעַשׂ לוֹ צִדְקִיָּה בֶן־כְּנַעֲנָה
קַרְנֵי בַרְזֶל וַיֹּאמֶר כֹּה־אָמַר יְהוָה בְּאֵלֶּה תְּנַגַּח אֶת־אֲרָם
יב עַד־כַּלֹּתָם׃ וְכָל־הַנְּבִאִים נִבְּאִים כֵּן לֵאמֹר עֲלֵה רָמֹת
יג גִּלְעָד וְהַצְלַח וְנָתַן יְהוָה בְּיַד הַמֶּלֶךְ׃ וְהַמַּלְאָךְ אֲשֶׁר־
הָלַךְ ׀ לִקְרֹא מִיכָיְהוּ דִּבֶּר אֵלָיו לֵאמֹר הִנֵּה־נָא דִּבְרֵי
הַנְּבִיאִים פֶּה־אֶחָד טוֹב אֶל־הַמֶּלֶךְ יְהִי־נָא דְבָרְיךָ כִּדְבַר
יד אַחַד מֵהֶם וְדִבַּרְתָּ טּוֹב׃ וַיֹּאמֶר מִיכָיְהוּ חַי־יְהוָה כִּי אֶת־
טו אֲשֶׁר יֹאמַר יְהוָה אֵלַי אֹתוֹ אֲדַבֵּר׃ וַיָּבוֹא אֶל־הַמֶּלֶךְ
וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֵלָיו מִיכָיְהוּ הֲנֵלֵךְ אֶל־רָמֹת גִּלְעָד
לַמִּלְחָמָה אִם־נֶחְדָּל וַיֹּאמֶר אֵלָיו עֲלֵה וְהַצְלַח וְנָתַן יְהוָה
טז בְּיַד הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו הַמֶּלֶךְ עַד־כַּמֶּה פְעָמִים אֲנִי
מַשְׁבִּעֶךָ אֲשֶׁר לֹא־תְדַבֵּר אֵלַי רַק־אֱמֶת בְּשֵׁם יְהוָה׃
יז וַיֹּאמֶר רָאִיתִי אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל נְפֹצִים אֶל־הֶהָרִים כַּצֹּאן
אֲשֶׁר אֵין־לָהֶם רֹעֶה וַיֹּאמֶר יְהוָה לֹא־אֲדֹנִים לָאֵלֶּה יָשׁוּבוּ
יח אִישׁ־לְבֵיתוֹ בְּשָׁלוֹם׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶל־יְהוֹשָׁפָט
הֲלוֹא אָמַרְתִּי אֵלֶיךָ לוֹא־יִתְנַבֵּא עָלַי טוֹב כִּי אִם־רָע׃
יט וַיֹּאמֶר לָכֵן שְׁמַע דְּבַר־יְהוָה רָאִיתִי אֶת־יְהוָה יֹשֵׁב עַל־

יג׳ דברך קרי

[6] האָט דער מלך פון ישראל אײַנגעזאַמלט די נביאים, אַרום פיר הונדערט מאַן, און ער האָט צו זיי געזאָגט: זאָל איך גײן קעגן רָמות־גִלעָד אויף מלחמה, אָדער זאָל איך אָפּשטײן? האָבן זיי געזאָגט: גײ אַרויף, און גאָט וועט זי געבן אין דער האַנט פון מלך.

[7] האָט יהושָפָט געזאָגט: איז דאָ ניטאָ נאָך אַ נביא פון גאָט, אַז מיר זאָלן פרעגן בײַ אים? [8] האָט דער מלך פון ישראל געזאָגט צו יהושָפָטן: פאַראַן נאָך איין מאַן אויף צו פרעגן בײַ גאָט דורך אים, אָבער איך האָב אים פײַנט, ווײַל ער זאָגט ניט נביאות אויף מיר גוטס, נאָר בלויז שלעכטס—מיכָיהו דער זון פון יִמלָהן. האָט יהושָפָט געזאָגט: זאָל דער מלך אַזוי ניט רעדן.

[9] האָט דער מלך פון ישראל גערופן אַ הויפדינער, און האָט געזאָגט: ברענג אויף גיך מיכָיהו דעם זון פון יִמלָהן.

[10] און דער מלך פון ישראל און יהושָפָט דער מלך פון יהודה זײַנען געזעסן איטלעכער אויף זײַן טראָן אָנגעקליידט אין בְּגדי־[מַלכות] אין אַ שײַער בײַ דעם טויער־אײַנגאַנג פון שומרון, און אַלע נביאים האָבן נביאות געזאָגט פאַר זיי. [11] און צִדקִיָה דער זון פון כּנַעֲנָהן האָט זיך געמאַכט אײַזערנע הערנער, און ער האָט געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: מיט די דאָזיקע וועסטו שטויסן אֲרָם ביז זיי צו פאַרלענדן. [12] און אַלע נביאים האָבן נביאות געזאָגט דעסגלײַכן, אַזוי צו זאָגן: גײ אַרויף קײן רָמות־גִלעָד, און באַגליק, און גאָט וועט זי געבן אין דער האַנט פון מלך.

[13] און דער שליח וואָס איז געגאַנגען רופן מיכָיהון, האָט גערעדט צו אים, אַזוי צו זאָגן: זע נאָר, די ווערטער פון די נביאים זײַנען ווי איין מויל גוטס צום מלך; זאָל, איך בעט דיך, דײַן וואָרט זײַן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון אײנעם פון זיי, און זאָלסט רעדן גוטס. [14] האָט מיכָיהו געזאָגט: אַזוי ווי עס לעבט גאָט, אַז דאָס וואָס גאָט וועט זאָגן צו מיר, דאָס וועל איך רעדן!

[15] איז ער געקומען צום מלך, און דער מלך האָט צו אים געזאָגט: מיכָיהו, זאָלן מיר גײן צו רָמות־גִלעָד אויף מלחמה, אָדער זאָלן מיר אָפּשטײן? האָט ער צו אים געזאָגט: גײ אַרויף, און באַגליק, און גאָט וועט זי געבן אין דער האַנט פון מלך. [16] האָט דער מלך צו אים געזאָגט: ביז וויפיל מאָל זאָל איך דיך באַשווערן, אַז דו זאָלסט ניט רעדן צו מיר נאָר אמת אין נאָמען פון גאָט? [17] האָט ער געזאָגט: איך האָב געזען גאַנץ ישראל צעשפּרייט אויף די בערג, אַזוי ווי שאָף וואָס האָבן ניט קײן פּאַסטוך, און גאָט האָט געזאָגט: אָן אַ האַר זײַנען די דאָזיקע; זאָלן זיי זיך אומקערן איטלעכער צו זײַן הויז בשלום. [18] האָט דער מלך פון ישראל געזאָגט צו יהושָפָטן: האָב איך דיר ניט געזאָגט, ער וועט ניט נביאות זאָגן אויף מיר גוטס, נאָר בלויז שלעכטס?

[19] האָט ער געזאָגט: דרום הער דאָס וואָרט פון גאָט: איך האָב געזען ווי גאָט זיצט אויף זײַן טראָן, און דער

כסאו וכל־צבא השמים עמד עליו מימינו ומשמאלו׃
כ ויאמר יהוה מי יפתה את־אחאב ויעל ויפל ברמת גלעד
כא ויאמר זה בכה וזה אמר בכה׃ ויצא הרוח ויעמד לפני
כב יהוה ויאמר אני אפתנו ויאמר יהוה אליו במה׃ ויאמר
אצא והייתי רוח שקר בפי כל־נביאיו ויאמר תפתה
כג וגם־תוכל צא ועשה־כן׃ ועתה הנה נתן יהוה רוח שקר
כד בפי כל־נביאיך אלה ויהוה דבר עליך רעה׃ ויגש
צדקיהו בן־כנענה ויכה את־מיכיהו על־הלחי ויאמר
כה אי־זה עבר רוח־יהוה מאתי לדבר אותך׃ ויאמר
מיכיהו הנך ראה ביום ההוא אשר תבא חדר בחדר
כו להחבה׃ ויאמר מלך ישראל קח את־מיכיהו והשיבהו
כז אל־אמן שר־העיר ואל־יואש בן־המלך׃ ואמרת כה
אמר המלך שימו את־זה בית הכלא והאכלהו לחם
כח לחץ ומים לחץ עד באי בשלום׃ ויאמר מיכיהו אם־
שוב תשוב בשלום לא־דבר יהוה בי ויאמר שמעו
כט עמים כלם׃ ויעל מלך־ישראל ויהושפט מלך־
ל יהודה רמת גלעד׃ ויאמר מלך ישראל אל־יהושפט
התחפש ובא במלחמה ואתה לבש בגדיך ויתחפש
לא מלך ישראל ויבוא במלחמה׃ ומלך ארם צוה את־
שרי הרכב אשר־לו שלשים ושנים לאמר לא תלחמו
את־קטן ואת־גדול כי אם־את־מלך ישראל לבדו׃
לב ויהי כראות שרי הרכב את־יהושפט והמה אמרו אך
מלך־ישראל הוא ויסרו עליו להלחם ויזעק יהושפט׃
לג ויהי כראות שרי הרכב כי לא־מלך ישראל הוא וישובו
לד מאחריו׃ ואיש משך בקשת לתמו ויכה את־מלך
ישראל בין הדבקים ובין השרין ויאמר לרכבו הפך
לה ידך והוציאני מן־המחנה כי החליתי׃ ותעלה המלחמה

כב קמץ מ"ק    כה׳ ה׳ במקום א׳

גאַנצער חיל פֿון הימל שטייט לעבן אים פֿון זיין רעכטער זייט און פֿון זיין לינקער. [20] און גאָט האָט געזאָגט: ווער וועט אָנרעדן אַחאָבן, ער זאָל אַרויפֿגיין און פֿאַלן אין רָמות־גִלעָד? האָט דער געזאָגט אַזוי, און דער זאָגט אַזוי. [21] איז אַרויסגעגאַנגען דער גייסט, און האָט זיך געשטעלט פֿאַר גאָט, און האָט געזאָגט: איך וועל אים אָנרעדן. האָט גאָט צו אים געזאָגט: מיט וואָס? [22] האָט ער געזאָגט: איך וועל אַרויסגיין און ווערן אַ גייסט פֿון ליגן אין מויל פֿון אַלע זיינע נביאים. האָט ער געזאָגט: וועסט אָנרעדן, און וועסט אויך אויספֿירן; גיי אַרויס און טו אַזוי. [23] און אַצונד, זע, גאָט האָט אַריינגעגעבן אַ גייסט פֿון ליגן אין מויל פֿון אַלע דידאָזיקע נביאים דיינע, אָבער גאָט האָט אָנגעזאָגט אויף דיר שלעכטס.

[24] האָט גענענט צִדקִיָהו דער זון פֿון כּנַעֲנָהן, און האָט געשלאָגן מיכָיהון איבערן באַק, און ער האָט געזאָגט: אויף וואָסער [וועג] איז דער גייסט פֿון גאָט אַוועקגעגאַנגען פֿון מיר, כּדי צו רעדן מיט דיר? [25] האָט מיכָיהו געזאָגט: אָט וועסטו זען אין יענעם טאָג, ווען דו וועסט אַריינגיין אין אַ קאַמער הינטער אַ קאַמער זיך צו באַהאַלטן.

[26] האָט דער מלך פֿון ישראל געזאָגט: נעם מיכָיהון, און קער אים אום צו אָמוֹן דעם האַר פֿון דער שטאָט, און צו יוֹאָש דעם מלכס זון. [27] און זאָלסט זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט דער מלך: טוט אַריין דעמדאָזיקן אין געפֿענקעניש, און שפּייזט אים מיט קאַרג ברויט און קאַרג וואַסער, ביז איך קום בשלום. [28] האָט מיכָיהו געזאָגט: אויב אומקערן וועסטו זיך אומקערן בשלום, האָט גאָט ניט גערעדט דורך מיר. און ער האָט געזאָגט: הערט דאָס צו, איר פֿעלקער אַלע.

[29] און דער מלך פֿון ישראל און יהוֹשָפָט דער מלך פֿון יהודה זיינען אַרויפֿגעגאַנגען קיין רָמות־גִלעָד. [30] און דער מלך פֿון ישראל האָט געזאָגט צו יהוֹשָפָטן: איך וועל זיך פֿאַרשטעלן, און וועל אַריינגיין אין דער מלחמה, און דו טראָג דיינע קליידער.

און דער מלך פֿון ישראל האָט זיך פֿאַרשטעלט, און איז אַריינגעגאַנגען אין דער מלחמה.

[31] און דער מלך פֿון אֲרָם האָט באַפֿוילן די צוויי און דרייסיק הויפּטלייט פֿון זיינע רייטוועגן, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט ניט מלחמה האַלטן מיט קליין אָדער גרויס, נאָר בלויז מיטן מלך פֿון ישראל אַליין. [32] און עס איז געווען, ווי די הויפּטלייט פֿון די רייטוועגן האָבן געזען יהוֹשָפָטן, אַזוי האָבן זיי געזאָגט: דאָס איז געוויס דער מלך פֿון ישראל. און זיי האָבן זיך אַ קער געטאָן צו אים מלחמה צו האַלטן. האָט יהוֹשָפָט אַ געשריי געטאָן; [33] איז, ווי די הויפּטלייט פֿון די רייטוועגן האָבן געזען אַז דאָס איז ניט דער מלך פֿון ישראל, אַזוי האָבן זיי זיך אָפּגעקערט פֿון הינטער אים.

[34] און אַ מאַן האָט אָנגעצויגן דעם בויגן גלאַט אין דער וועלט, און האָט געטראָפֿן דעם מלך פֿון ישראל צווישן אונטערפּאַנצער און צווישן ברוסטשילד. האָט ער געזאָגט צו זיין טרייבער: פֿאַרקער דיין האַנט, און פֿיר מיך אַרויס פֿון דער מחנה, וואָרום איך בין פֿאַרוווּנדט.

בַּיּוֹם הַהוּא וְהַמֶּלֶךְ הָיָה מָעֳמָד בַּמֶּרְכָּבָה נֹכַח אֲרָם
וַיָּמָת בָּעֶרֶב וַיִּצֶק דַּם־הַמַּכָּה אֶל־חֵיק הָרָכֶב׃ וַיַּעֲבֹר לו
הָרִנָּה בַּמַּחֲנֶה כְּבֹא הַשֶּׁמֶשׁ לֵאמֹר אִישׁ אֶל־עִירוֹ וְאִישׁ
אֶל־אַרְצוֹ׃ וַיָּמָת הַמֶּלֶךְ וַיָּבוֹא שֹׁמְרוֹן וַיִּקְבְּרוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ לז
בְּשֹׁמְרוֹן׃ וַיִּשְׁטֹף אֶת־הָרֶכֶב עַל ׀ בְּרֵכַת שֹׁמְרוֹן וַיָּלֹקּוּ לח
הַכְּלָבִים אֶת־דָּמוֹ וְהַזֹּנוֹת רָחָצוּ כִּדְבַר יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֵּר׃
וְיֶתֶר דִּבְרֵי אַחְאָב וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה וּבֵית הַשֵּׁן אֲשֶׁר בָּנָה לט
וְכָל־הֶעָרִים אֲשֶׁר בָּנָה הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר
דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב אַחְאָב עִם־אֲבֹתָיו מ
וַיִּמְלֹךְ אֲחַזְיָהוּ בְנוֹ תַּחְתָּיו׃ וִיהוֹשָׁפָט בֶּן־אָסָא מָלַךְ מא
עַל־יְהוּדָה בִּשְׁנַת אַרְבַּע לְאַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ יְהוֹשָׁפָט מב
בֶּן־שְׁלֹשִׁים וְחָמֵשׁ שָׁנָה בְּמָלְכוֹ וְעֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה
מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ עֲזוּבָה בַּת־שִׁלְחִי׃ וַיֵּלֶךְ בְּכָל־ מג
דֶּרֶךְ אָסָא אָבִיו לֹא־סָר מִמֶּנּוּ לַעֲשׂוֹת הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה׃
אַךְ הַבָּמוֹת לֹא־סָרוּ עוֹד הָעָם מְזַבְּחִים וּמְקַטְּרִים בַּבָּמוֹת׃ מד
וַיַּשְׁלֵם יְהוֹשָׁפָט עִם־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יְהוֹשָׁפָט מה מו
וּגְבוּרָתוֹ אֲשֶׁר־עָשָׂה וַאֲשֶׁר נִלְחָם הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־
סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וְיֶתֶר הַקָּדֵשׁ אֲשֶׁר מז
נִשְׁאַר בִּימֵי אָסָא אָבִיו בִּעֵר מִן־הָאָרֶץ׃ וּמֶלֶךְ אֵין מח
בֶּאֱדוֹם נִצָּב מֶלֶךְ׃ יְהוֹשָׁפָט עָשָׂר אֳנִיּוֹת תַּרְשִׁישׁ לָלֶכֶת מט
אוֹפִירָה לַזָּהָב וְלֹא הָלָךְ כִּי־נִשְׁבְּרָה אֳנִיּוֹת בְּעֶצְיוֹן גָּבֶר׃
אָז אָמַר אֲחַזְיָהוּ בֶן־אַחְאָב אֶל־יְהוֹשָׁפָט יֵלְכוּ עֲבָדַי עִם־ נ
עֲבָדֶיךָ בָּאֳנִיּוֹת וְלֹא אָבָה יְהוֹשָׁפָט׃ וַיִּשְׁכַּב יְהוֹשָׁפָט נא
עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד אָבִיו וַיִּמְלֹךְ
יְהוֹרָם בְּנוֹ תַחְתָּיו׃ אֲחַזְיָהוּ בֶן־אַחְאָב מָלַךְ עַל־ נב
יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן בִּשְׁנַת שְׁבַע עֶשְׂרֵה לִיהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ
יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ עַל־יִשְׂרָאֵל שְׁנָתָיִם׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי נג

---

מג׳ סבירין ממנה   מט׳ עשה קרי   נשברו קרי

35 און די מלחמה איז געשטיגן אין יענעם טאָג; און דער מלך איז אויפגעהאַלטן געוואָרן שטייענדיק אין רייט־וואָגן אַנטקעגן אַרָם; און אין אָוונט איז ער געשטאָרבן. און דאָס בלוט פון דער וווּנד איז אַראָפּגערונען אויפן דעק פון רייטוואָגן.

36 איז אַרויס אַ געשריי דורך דער מחנה אַרום זונ־אונטערגאַנג: איטלעכער צו זיין שטאָט, און איטלעכער צו זיין לאַנד!

37 אַזוי איז געשטאָרבן דער מלך; און ער איז גע־בראַכט געוואָרן קיין שומרון. און מע האָט באַגראָבן דעם מלך אין שומרון.

38 און אַז מע האָט אָפּגעשווענקט דעם רייטוואָגן ביים טייך פון שומרון, האָבן די הינט געלעקט זיין בלוט, און די זונות האָבן זיך דרינען געוואַשן, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט גערעדט.

39 און די איבעריקע זאַכן וועגן אַחְאָבן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, און דאָס הויז פון עלפנביין וואָס ער האָט געבויט, און אַלע שטעט וואָס ער האָט געבויט, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון ישׂראל.

40 און אַחְאָב האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און זיין זון אַחַזְיָהו איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

41 און יהוֹשָפָט דער זון פון אָסאָן איז געוואָרן מלך איבער יהודה אין פירטן יאָר פון אַחְאָב דעם מלך פון ישׂראל. 42 פינף און דרייסיק יאָר איז יהוֹשָפָט אַלט געווען אַז ער איז געוואָרן מלך, און פינף און צוואַנציק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען עֲזוּבָה די טאָכטער פון שִׁלחִין.

43 און ער איז געגאַנגען אין אַל דעם וועג פון זיין פאָטער אָסאָן—ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט דערפון—צו טאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט. 44 נאָר די בָּמות זיינען ניט אָפּגעטאָן געוואָרן; דאָס פאָלק האָט נאָך אַלץ געשלאַכט און גערייכערט אויף די בָּמות.

45 און יהוֹשָפָט איז געווען אין שלום מיט דעם מלך פון ישׂראל.

46 און די איבעריקע זאַכן וועגן יהוֹשָפָטן, און זיין גבורהשאַפט וואָס ער האָט אויפגעטאָן, און ווי ער האָט מלחמה געהאַלטן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון יהודה.

47 און דעם רעשט פון די שאַנדמענער, וואָס איז געבליבן אין די טעג פון זיין פאָטער אָסאָן, האָט ער אויסגעראַמט פון לאַנד.

48 און קיין מלך איז ניט געווען אין אֶדום; אַ געשטעלטער איז געווען מלך.

49 יהוֹשָפָט האָט געמאַכט תַּרשיש־שיפן צו גיין קיין אופיר נאָך גאָלד, אָבער ער איז ניט געגאַנגען, וואָרום די שיפן זיינען צעבראָכן געוואָרן ביי עֶציוֹן־גֶבֶר. 50 דעמאָלט האָט אַחַזְיָהו דער זון פון אַחְאָבן געזאָגט צו יהוֹשָפָטן: זאָלן מיינע קנעכט גיין מיט דיינע קנעכט אין די שיפן; אָבער יהוֹשָפָט האָט ניט געוואָלט.

51 און יהוֹשָפָט האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן לעבן זיינע עלטערן, אין זיין פאָטער דודס שטאָט; און זיין זון יהוֹרָם איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

52 אַחַזְיָהו דער זון פון אַחְאָבן איז געוואָרן מלך איבער ישׂראל אין שומרון אין זיבעצנטן יאָר פון יהוֹשָפָט דעם מלך פון יהודה, און ער האָט געקיניגט איבער ישׂראל צוויי יאָר. 53 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן

פון גאָט, און איז געגאַנגען אין דעם וועג פון זיין פאָטער,
און אין דעם וועג פון זיין מוטער, און אין דעם וועג פון
יָרָבעָם דעם זון פון נבָטן, וואָס האָט געמאַכט זינדיקן
ישראל. 54 און ער האָט געדינט בַּעַל, און האָט זיך געבוקט צו אים, און האָט דערצערנט יהוה דעם גאָט פון ישראל,
אַזוי ווי אַלץ וואָס זיין פאָטער האָט געטאָן.

יְהוָה וַיֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ אָבִיו וּבְדֶרֶךְ אִמּוֹ וּבְדֶרֶךְ יָרָבְעָם בֶּן־
נד נְבָט אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ וַיַּעֲבֹד אֶת־הַבַּעַל
וַיִּשְׁתַּחֲוֶה לוֹ וַיַּכְעֵס אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל כְּכֹל אֲשֶׁר־
עָשָׂה אָבִיו׃

# מְלָכִים ב

וַיִּפְשַׁע מוֹאָב בְּיִשְׂרָאֵל אַחֲרֵי מוֹת אַחְאָב׃ וַיִּפֹּל אֲחַזְיָה א ב
בְּעַד הַשְּׂבָכָה בַּעֲלִיָּתוֹ אֲשֶׁר בְּשֹׁמְרוֹן וַיָּחַל וַיִּשְׁלַח
מַלְאָכִים וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם לְכוּ דִרְשׁוּ בְּבַעַל זְבוּב אֱלֹהֵי
עֶקְרוֹן אִם־אֶחְיֶה מֵחֳלִי זֶה׃ וּמַלְאַךְ יְהוָה דִּבֶּר אֶל־ ג
אֵלִיָּה הַתִּשְׁבִּי קוּם עֲלֵה לִקְרַאת מַלְאֲכֵי מֶלֶךְ־שֹׁמְרוֹן
וְדַבֵּר אֲלֵהֶם הֲמִבְּלִי אֵין־אֱלֹהִים בְּיִשְׂרָאֵל אַתֶּם הֹלְכִים
לִדְרֹשׁ בְּבַעַל זְבוּב אֱלֹהֵי עֶקְרוֹן׃ וְלָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה ד
הַמִּטָּה אֲשֶׁר־עָלִיתָ שָּׁם לֹא־תֵרֵד מִמֶּנָּה כִּי מוֹת תָּמוּת
וַיֵּלֶךְ אֵלִיָּה׃ וַיָּשׁוּבוּ הַמַּלְאָכִים אֵלָיו וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם מַה־ ה
זֶּה שַׁבְתֶּם׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו אִישׁ ׀ עָלָה לִקְרָאתֵנוּ וַיֹּאמֶר ו
אֵלֵינוּ לְכוּ שׁוּבוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר־שָׁלַח אֶתְכֶם וְדִבַּרְתֶּם
אֵלָיו כֹּה אָמַר יְהוָה הֲמִבְּלִי אֵין־אֱלֹהִים בְּיִשְׂרָאֵל אַתָּה
שֹׁלֵחַ לִדְרֹשׁ בְּבַעַל זְבוּב אֱלֹהֵי עֶקְרוֹן לָכֵן הַמִּטָּה
אֲשֶׁר־עָלִיתָ שָּׁם לֹא־תֵרֵד מִמֶּנָּה כִּי־מוֹת תָּמוּת׃ וַיְדַבֵּר ז
אֲלֵהֶם מֶה מִשְׁפַּט הָאִישׁ אֲשֶׁר עָלָה לִקְרַאתְכֶם וַיְדַבֵּר
אֲלֵיכֶם אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו אִישׁ בַּעַל ח

**א**

1 און מוֹאָב האָט ווידערשפּעניקט אָן ישׂראל נאָך אַחְאָבס טויט.

2 און אַחַזְיָהו איז אַרויסגעפאַלן דורך דער גראַטע פון זיין אויבערשטוב וואָס אין שומרון, און איז קראַנק געוואָרן. און ער האָט געשיקט שלוחים, און האָט זיי אָנגעזאָגט: גייט פרעגט ביי בַּעַל־זבוב דעם גאָט פון עֶקרון, אויב איך וועל גענעזן ווערן פון דערדאָזיקער קראַנקשאַפט.

3 און אַ מלאך פון גאָט האָט גערעדט צו אֵלִיָהו דעם תִּשבי: שטיי אויף, גיי אַרויף אַנטקעגן די שלוחים פון דעם מלך פון שומרון, און רעד צו זיי: צי ווייל אין ישׂראל איז קיין גאָט ניטאָ, גייט איר פרעגן ביי בַּעַל־זבוב דעם גאָט פון עֶקרון? 4 דרומעך האָט יהוה אַזוי געזאָגט: דאָס בעט וואָס דו ביסט אַרויף אַהין, דערפון וועסטו ניט אַראָפּנידערן, נייערט שטאַרבן וועסטו שטאַרבן.

איז אֵלִיָהו געגאַנגען.

5 און די שלוחים האָבן זיך אומגעקערט צו אים, און ער האָט צו זיי געזאָגט: וואָס עפּעס האָט איר זיך אומגעקערט? 6 האָבן זיי צו אים געזאָגט: אַ מאַן איז אַרויפגעקומען אונדז אַנטקעגן, און ער האָט צו אונדז געזאָגט: גייט קערט אייך אום צו דעם מלך וואָס האָט אייך געשיקט, און איר זאָלט רעדן צו אים: אַזוי האָט יהוה געזאָגט: צי ווייל אין ישׂראל איז קיין גאָט ניטאָ, שיקסטו פרעגן ביי בַּעַל־זבוב דעם גאָט פון עֶקרון? דרום, דאָס בעט וואָס דו ביסט אַרויף אַהין, דערפון וועסטו ניט אַראָפּנידערן, נייערט שטאַרבן וועסטו שטאַרבן. 7 האָט ער צו זיי גערעדט: וואָס איז דאָס אויסזען פון דעם מאַן וואָס איז אייך אַרויפגעקומען אַנטקעגן, און האָט צו אייך גערעדט דידאָזיקע רייד? 8 האָבן זיי צו

אים געזאָגט: אַ האָריקער מאַן מיט אַ פעלענעם גאַרטל אָנגעגורט אויף זיינע לענדן. האָט ער געזאָגט דאָס איז אֵלִיָהו דער תִּשבּי.

9 און ער האָט צו אים געשיקט אַ הויפּטמאַן פון פופציק מיט זיינע פופציק. איז ער אַרויפגעגאַנגען צו אים, ערשט ער זיצט אויפן שפּיץ באַרג. האָט ער צו אים גערעדט: געטלעכער מאַן, דער מלך האָט געזאָגט: נידער אַראָפּ. 10 האָט אֵלִיָהו געענטפערט און גערעדט צו דעם הויפּטמאַן פון די פופציק: איז, אויב איך בין אַ געטלעכער מאַן, זאָל אַראָפּנידערן אַ פייער פון הימל, און פאַרצערן דיך און דיינע פופציק.

האָט אַראָפּגענידערט אַ פייער פון הימל, און האָט פאַרצערט אים און זיינע פופציק.

11 האָט ער ווידער געשיקט צו אים אַן אַנדער הויפּט־מאַן פון פופציק מיט זיינע פופציק. און ער האָט זיך אָפּגערופן און גערעדט צו אים: געטלעכער מאַן, אַזוי האָט דער מלך געזאָגט: אַייל זיך נידער אַראָפּ. 12 האָט אֵלִיָהו געענטפערט און האָט צו זיי גערעדט: אויב איך בין אַ געטלעכער מאַן, זאָל אַראָפּנידערן אַ פייער פון הימל, און פאַרצערן דיך און דיינע פופציק.

האָט אַראָפּגענידערט אַ פייער פון הימל, און האָט פאַרצערט אים און זיינע פופציק.

13 האָט ער ווידער געשיקט צו אים אַ הויפּטמאַן פון דריטע פופציק מיט זיינע פופציק, און דער דריטער הויפּטמאַן פון פופציק איז אַרויפגעגאַנגען, און ער איז גע־קומען און האָט זיך געבוקט אויף זיינע קני פאַר אֵלִיָהון, און ער האָט זיך ביי אים געבעטן, און האָט צו אים גע־רעדט: געטלעכער מאַן, זאָל, איך בעט דיך, מיין נפש, און די נפשות פון דידאָזיקע פופציק קנעכט דיינע, זיין ווערדיק אין דיינע אויגן. 14 זע, אַ פייער האָט אַראָפּגענידערט פון הימל, און האָט פאַרצערט די צוויי פריער־דיקע הויפּטלייט פון פופציק מיט זייערע פופציקן; און אַצונד, זאָל מיין נפש זיין ווערדיק אין דיינע אויגן.

15 האָט אַ מלאך פון גאָט גערעדט צו אֵלִיָהון: נידער אַראָפּ מיט אים; זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר אים. איז ער אויפגעשטאַנען און האָט אַראָפּגענידערט מיט אים צום מלך. 16 און ער האָט צו אים גערעדט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: אַזוי ווי דו האָסט געשיקט שלוחים צו פרעגן ביי בַּעַל־זבוב דעם גאָט פון עֶקרון, איז דאָס ווייל אין ישׂראל איז קיין גאָט ניטאָ צו פרעגן זיין וואָרט? דרום, דאָס בעט וואָס דו ביסט אַרויף אַהין, דערפון וועסטו ניט אַראָפּנידערן, נייערט שטאַרבן וועסטו שטאַרבן.

17 און ער איז געשטאָרבן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט וואָס אֵלִיָהו האָט גערעדט. און יהוֹרָם איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט אין צווייטן יאָר פון יהוֹרָם דעם זון פון יהוֹשָפָטן, דעם מלך פון יהודה; ווייל ער האָט קיין זון ניט געהאַט.

18 און די איבעריקע זאַכן פון אַחַזיָהון וואָס ער האָט געטאָן, זיי זיינען שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון ישׂראל.

שֵׂעָר וְאֵזוֹר עוֹר אָזוּר בְּמָתְנָיו וַיֹּאמַר אֵלִיָּה הַתִּשְׁבִּי הוּא׃
ט וַיִּשְׁלַח אֵלָיו שַׂר חֲמִשִּׁים וַחֲמִשָּׁיו וַיַּעַל אֵלָיו וְהִנֵּה יֹשֵׁב
עַל־רֹאשׁ הָהָר וַיְדַבֵּר אֵלָיו אִישׁ הָאֱלֹהִים הַמֶּלֶךְ דִּבֶּר
י רֵדָה׃ וַיַּעֲנֶה אֵלִיָּהוּ וַיְדַבֵּר אֶל־שַׂר הַחֲמִשִּׁים וְאִם־
אִישׁ אֱלֹהִים אָנִי תֵּרֶד אֵשׁ מִן־הַשָּׁמַיִם וְתֹאכַל אֹתְךָ וְאֶת־
חֲמִשֶּׁיךָ וַתֵּרֶד אֵשׁ מִן־הַשָּׁמַיִם וַתֹּאכַל אֹתוֹ וְאֶת־חֲמִשָּׁיו׃
יא וַיָּשָׁב וַיִּשְׁלַח אֵלָיו שַׂר־חֲמִשִּׁים אַחֵר וַחֲמִשָּׁיו וַיַּעַן
וַיְדַבֵּר אֵלָיו אִישׁ הָאֱלֹהִים כֹּה־אָמַר הַמֶּלֶךְ מְהֵרָה
יב רֵדָה׃ וַיַּעַן אֵלִיָּה וַיְדַבֵּר אֲלֵיהֶם אִם־אִישׁ הָאֱלֹהִים אָנִי
תֵּרֶד אֵשׁ מִן־הַשָּׁמַיִם וְתֹאכַל אֹתְךָ וְאֶת־חֲמִשֶּׁיךָ וַתֵּרֶד
אֵשׁ־אֱלֹהִים מִן־הַשָּׁמַיִם וַתֹּאכַל אֹתוֹ וְאֶת־חֲמִשָּׁיו׃
יג וַיָּשָׁב וַיִּשְׁלַח שַׂר־חֲמִשִּׁים שְׁלִשִׁים וַחֲמִשָּׁיו וַיַּעַל וַיָּבֹא
שַׂר־הַחֲמִשִּׁים הַשְּׁלִישִׁי וַיִּכְרַע עַל־בִּרְכָּיו ׀ לְנֶגֶד
אֵלִיָּהוּ וַיִּתְחַנֵּן אֵלָיו וַיְדַבֵּר אֵלָיו אִישׁ הָאֱלֹהִים תִּיקַר־
יד נָא נַפְשִׁי וְנֶפֶשׁ עֲבָדֶיךָ אֵלֶּה חֲמִשִּׁים בְּעֵינֶיךָ׃ הִנֵּה
יָרְדָה אֵשׁ מִן־הַשָּׁמַיִם וַתֹּאכַל אֶת־שְׁנֵי שָׂרֵי הַחֲמִשִּׁים
הָרִאשֹׁנִים וְאֶת־חֲמִשֵּׁיהֶם וְעַתָּה תִּיקַר נַפְשִׁי בְּעֵינֶיךָ׃
טו וַיְדַבֵּר מַלְאַךְ יְהוָה אֶל־אֵלִיָּהוּ רֵד אוֹתוֹ אַל־תִּירָא
טז מִפָּנָיו וַיָּקָם וַיֵּרֶד אוֹתוֹ אֶל־הַמֶּלֶךְ׃ וַיְדַבֵּר אֵלָיו כֹּה־
אָמַר יְהוָה יַעַן אֲשֶׁר־שָׁלַחְתָּ מַלְאָכִים לִדְרֹשׁ בְּבַעַל זְבוּב
אֱלֹהֵי עֶקְרוֹן הֲמִבְּלִי אֵין־אֱלֹהִים בְּיִשְׂרָאֵל לִדְרֹשׁ בִּדְבָרוֹ
לָכֵן הַמִּטָּה אֲשֶׁר־עָלִיתָ שָּׁם לֹא־תֵרֵד מִמֶּנָּה כִּי־מוֹת
יז תָּמוּת׃ וַיָּמָת כִּדְבַר יְהוָה ׀ אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֵלִיָּהוּ וַיִּמְלֹךְ
יְהוֹרָם תַּחְתָּיו בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לִיהוֹרָם בֶּן־יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ
יח יְהוּדָה כִּי לֹא־הָיָה לוֹ בֵּן׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אֲחַזְיָהוּ אֲשֶׁר
עָשָׂה הֲלוֹא־הֵמָּה כְתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי
יִשְׂרָאֵל׃

ב

וַיְהִי בְּהַעֲלוֹת יְהוָה אֶת־אֵלִיָּהוּ בִּסְעָרָה הַשָּׁמָיִם וַיֵּלֶךְ א
אֵלִיָּהוּ וֶאֱלִישָׁע מִן־הַגִּלְגָּל׃ וַיֹּאמֶר אֵלִיָּהוּ אֶל־אֱלִישָׁע ב
שֵׁב־נָא פֹה כִּי יְהוָה שְׁלָחַנִי עַד־בֵּית־אֵל וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע
חַי־יְהוָה וְחֵי־נַפְשְׁךָ אִם־אֶעֶזְבֶךָּ וַיֵּרְדוּ בֵּית־אֵל׃ וַיֵּצְאוּ ג
בְנֵי־הַנְּבִיאִים אֲשֶׁר־בֵּית־אֵל אֶל־אֱלִישָׁע וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו
הֲיָדַעְתָּ כִּי הַיּוֹם יְהוָה לֹקֵחַ אֶת־אֲדֹנֶיךָ מֵעַל רֹאשֶׁךָ
וַיֹּאמֶר גַּם־אֲנִי יָדַעְתִּי הֶחֱשׁוּ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ אֵלִיָּהוּ אֱלִישָׁע ׀ ד
שֵׁב־נָא פֹה כִּי יְהוָה שְׁלָחַנִי יְרִיחוֹ וַיֹּאמֶר חַי־יְהוָה
וְחֵי־נַפְשְׁךָ אִם־אֶעֶזְבֶךָּ וַיָּבֹאוּ יְרִיחוֹ׃ וַיִּגְּשׁוּ בְנֵי־הַנְּבִיאִים ׀ ה
אֲשֶׁר־בִּירִיחוֹ אֶל־אֱלִישָׁע וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו הֲיָדַעְתָּ כִּי הַיּוֹם
יְהוָה לֹקֵחַ אֶת־אֲדֹנֶיךָ מֵעַל רֹאשֶׁךָ וַיֹּאמֶר גַּם־אֲנִי יָדַעְתִּי
הֶחֱשׁוּ׃ וַיֹּאמֶר לוֹ אֵלִיָּהוּ שֵׁב־נָא פֹה כִּי יְהוָה שְׁלָחַנִי ו
הַיַּרְדֵּנָה וַיֹּאמֶר חַי־יְהוָה וְחֵי־נַפְשְׁךָ אִם־אֶעֶזְבֶךָּ וַיֵּלְכוּ
שְׁנֵיהֶם׃ וַחֲמִשִּׁים אִישׁ מִבְּנֵי הַנְּבִיאִים הָלְכוּ וַיַּעַמְדוּ ז
מִנֶּגֶד מֵרָחוֹק וּשְׁנֵיהֶם עָמְדוּ עַל־הַיַּרְדֵּן׃ וַיִּקַּח אֵלִיָּהוּ ח
אֶת־אַדַּרְתּוֹ וַיִּגְלֹם וַיַּכֶּה אֶת־הַמַּיִם וַיֵּחָצוּ הֵנָּה וָהֵנָּה
וַיַּעַבְרוּ שְׁנֵיהֶם בֶּחָרָבָה׃ וַיְהִי כְעָבְרָם וְאֵלִיָּהוּ אָמַר ט
אֶל־אֱלִישָׁע שְׁאַל מָה אֶעֱשֶׂה־לָּךְ בְּטֶרֶם אֶלָּקַח מֵעִמָּךְ
וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע וִיהִי־נָא פִּי־שְׁנַיִם בְּרוּחֲךָ אֵלָי׃ וַיֹּאמֶר י
הִקְשִׁיתָ לִשְׁאוֹל אִם־תִּרְאֶה אֹתִי לֻקָּח מֵאִתָּךְ יְהִי־לְךָ כֵן
וְאִם־אַיִן לֹא יִהְיֶה׃ וַיְהִי הֵמָּה הֹלְכִים הָלוֹךְ וְדַבֵּר יא
וְהִנֵּה רֶכֶב־אֵשׁ וְסוּסֵי אֵשׁ וַיַּפְרִדוּ בֵּין שְׁנֵיהֶם וַיַּעַל
אֵלִיָּהוּ בַּסְעָרָה הַשָּׁמָיִם׃ וֶאֱלִישָׁע רֹאֶה וְהוּא מְצַעֵק יב
אָבִי ׀ אָבִי רֶכֶב יִשְׂרָאֵל וּפָרָשָׁיו וְלֹא רָאָהוּ עוֹד וַיַּחֲזֵק
בִּבְגָדָיו וַיִּקְרָעֵם לִשְׁנַיִם קְרָעִים׃ וַיָּרֶם אֶת־אַדֶּרֶת אֵלִיָּהוּ יג
אֲשֶׁר נָפְלָה מֵעָלָיו וַיָּשָׁב וַיַּעֲמֹד עַל־שְׂפַת הַיַּרְדֵּן׃ וַיִּקַּח יד

א׳ הס׳ רפה   ג׳ סבירין בבית   יא׳ הס׳ רפה

ב [1] און עס איז געווען, ווען גאָט האָט געוואָלט אַרויפ־נעמען אֵלִיָהון אין אַ שטורעמווינט אויפן הימל, זיינען אֶלִישָׁע און אֵלִיָהו געגאַנגען פון גִלְגָל. [2] האָט אֵלִיָהו געזאָגט צו אֶלִישָׁען: בלייב דאָ, איך בעט דיך, וואָרום גאָט האָט מיך געשיקט ביז בֵית־אֵל. האָט אֶלִישָׁע געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אויב איך וועל דיך פאַרלאָזן!

און זיי האָבן אַראָפּגענידערט קיין בֵית־אֵל.

[3] זיינען אַרויסגעגאַנגען די יונגע נביאים וואָס אין בֵית־אֵל צו אֶלִישָׁען, און האָבן צו אים געזאָגט: ווייסטו אַז היינט נעמט גאָט אַוועק דיין האַר פון דיין קאָפּ? האָט ער געזאָגט: יאָ, איך ווייס; שווייגט.

[4] האָט אֵלִיָהו צו אים געזאָגט: אֶלִישָׁע, בלייב דאָ, איך בעט דיך, וואָרום גאָט האָט מיך געשיקט קיין יריחו. האָט ער געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אויב איך וועל דיך פאַרלאָזן.

און זיי זיינען געקומען קיין יריחו.

[5] האָבן גענענט די יונגע נביאים וואָס אין יריחו צו אֶלִישָׁען, און האָבן צו אים געזאָגט: ווייסטו אַז היינט נעמט גאָט אַוועק דיין האַר פון דיין קאָפּ? האָט ער געזאָגט: יאָ, איך ווייס; שווייגט.

[6] האָט אֵלִיָהו צו אים געזאָגט: בלייב דאָ, איך בעט דיך, וואָרום גאָט האָט מיך געשיקט ביזן יַרדן. האָט ער געזאָגט: אַזוי ווי גאָט לעבט, און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אויב איך וועל דיך פאַרלאָזן!

און זיי זיינען ביידע געגאַנגען.

[7] זיינען פופציק מאַן פון די יונגע נביאים געגאַנגען, און האָבן זיך געשטעלט אַקעגנאיבער פון דער ווייטן; און זיי ביידע זיינען געשטאַנען ביים יַרדן. [8] האָט אֵלִיָהו גענומען זיין מאַנטל, און צונויפגעוויקלט, און געשלאָגן דאָס וואַסער, און עס האָט זיך צעטיילט אַהין און אַהער, און זיי זיינען ביידע אַריבערגעגאַנגען אין טריקעניש. [9] און עס איז געווען, ווי זיי זיינען אַריבערגעגאַנגען, אַזוי האָט אֵלִיָהו געזאָגט צו אֶלִישָׁען: בעט וואָס איך זאָל דיר טאָן, איידער איך וועל אַוועקגענומען ווערן פון דיר. האָט אֶלִישָׁע געזאָגט: זאָל, איך בעט דיך, אַ צווייעדיקער טייל פון דיין גייסט זיין אויף מיר. [10] האָט ער געזאָגט: האָסט אַ שווערע זאַך געבעטן. אויב דו וועסט מיך זען ווען איך ווער אַוועקגענו־מען פון דיר, וועט דיר אַזוי געשען, אויב אָבער ניט, וועט עס ניט געשען.

[11] און עס איז געווען, ווי זיי גייען אַזוי, גייען און רעדן, ערשט אַ פייערדיקער רייטוואָגן מיט פייערדיקע פערד, און זיי האָבן פאַנאַנדערגעשיידט צווישן זיי ביידן, און אֵלִיָהו איז אַרויף מיט אַ שטורעמווינט אין הימל. [12] און ווי אֶלִישָׁע האָט עס געזען, אַזוי האָט ער געשריען: פאָטער מיינער, פאָטער מיינער, רייטוועגן און רייטער פון ישׂראל!

און ער האָט אים מער ניט געזען. האָט ער אָנגענומען זיינע קליידער, און האָט זיי צעריסן אויף צוויי שטיקער. [13] און ער האָט אויפגעהויבן אֵלִיָהוס מאַנטל וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אים, און האָט זיך אומגעקערט און זיך גע־שטעלט ביים ברעג יַרדן. [14] און ער האָט גענומען אֵלִיָהוס מאַנטל וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון אים, און האָט געשלאָגן

אֶת־אַדֶּרֶת אֵלִיָּהוּ אֲשֶׁר־נָפְלָה מֵעָלָיו וַיַּכֶּה אֶת־הַמַּיִם
וַיֹּאמַר אַיֵּה יְהוָה אֱלֹהֵי אֵלִיָּהוּ אַף־הוּא ׀ וַיַּכֶּה אֶת־הַמַּיִם
טו וַיֵּחָצוּ הֵנָּה וָהֵנָּה וַיַּעֲבֹר אֱלִישָׁע׃ וַיִּרְאֻהוּ בְנֵי־הַנְּבִיאִים
אֲשֶׁר־בִּירִיחוֹ מִנֶּגֶד וַיֹּאמְרוּ נָחָה רוּחַ אֵלִיָּהוּ עַל־אֱלִישָׁע
טז וַיָּבֹאוּ לִקְרָאתוֹ וַיִּשְׁתַּחֲווּ־לוֹ אָרְצָה׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו הִנֵּה־
נָא יֵשׁ־אֶת־עֲבָדֶיךָ חֲמִשִּׁים אֲנָשִׁים בְּנֵי־חַיִל יֵלְכוּ־נָא
וִיבַקְשׁוּ אֶת־אֲדֹנֶיךָ פֶּן־נְשָׂאוֹ רוּחַ יְהוָה וַיַּשְׁלִכֵהוּ בְּאַחַד
יז הֶהָרִים אוֹ בְּאַחַת הַגֵּאָיוֹת וַיֹּאמֶר לֹא תִשְׁלָחוּ׃ וַיִּפְצְרוּ־
בוֹ עַד־בֹּשׁ וַיֹּאמֶר שְׁלָחוּ וַיְשַׁלְּחוּ חֲמִשִּׁים אִישׁ וַיְבַקְשׁוּ
יח שְׁלֹשָׁה־יָמִים וְלֹא מְצָאֻהוּ׃ וַיָּשֻׁבוּ אֵלָיו וְהוּא יֹשֵׁב בִּירִיחוֹ
וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם הֲלוֹא־אָמַרְתִּי אֲלֵיכֶם אַל־תֵּלֵכוּ׃
יט וַיֹּאמְרוּ אַנְשֵׁי הָעִיר אֶל־אֱלִישָׁע הִנֵּה־נָא מוֹשַׁב הָעִיר טוֹב
כ כַּאֲשֶׁר אֲדֹנִי רֹאֶה וְהַמַּיִם רָעִים וְהָאָרֶץ מְשַׁכָּלֶת׃ וַיֹּאמֶר
כא קְחוּ־לִי צְלֹחִית חֲדָשָׁה וְשִׂימוּ שָׁם מֶלַח וַיִּקְחוּ אֵלָיו׃ וַיֵּצֵא
אֶל־מוֹצָא הַמַּיִם וַיַּשְׁלֶךְ־שָׁם מֶלַח וַיֹּאמֶר כֹּה־אָמַר יְהוָה
רִפִּאתִי לַמַּיִם הָאֵלֶּה לֹא־יִהְיֶה מִשָּׁם עוֹד מָוֶת וּמְשַׁכָּלֶת׃
כב וַיֵּרָפוּ הַמַּיִם עַד הַיּוֹם הַזֶּה כִּדְבַר אֱלִישָׁע אֲשֶׁר דִּבֵּר׃
כג וַיַּעַל מִשָּׁם בֵּית־אֵל וְהוּא ׀ עֹלֶה בַדֶּרֶךְ וּנְעָרִים
קְטַנִּים יָצְאוּ מִן־הָעִיר וַיִּתְקַלְּסוּ־בוֹ וַיֹּאמְרוּ לוֹ עֲלֵה
כד קֵרֵחַ עֲלֵה קֵרֵחַ׃ וַיִּפֶן אַחֲרָיו וַיִּרְאֵם וַיְקַלְלֵם בְּשֵׁם
יְהוָה וַתֵּצֶאנָה שְׁתַּיִם דֻּבִּים מִן־הַיַּעַר וַתְּבַקַּעְנָה מֵהֶם
כה אַרְבָּעִים וּשְׁנֵי יְלָדִים׃ וַיֵּלֶךְ מִשָּׁם אֶל־הַר הַכַּרְמֶל וּמִשָּׁם
שָׁב שֹׁמְרוֹן׃

ג

א וִיהוֹרָם בֶּן־אַחְאָב מָלַךְ עַל־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן בִּשְׁנַת
שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה לִיהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ שְׁתֵּים־
ב עֶשְׂרֵה שָׁנָה׃ וַיַּעֲשֶׂה הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה רַק לֹא כְאָבִיו

ב, טז׳ הגאות קרי   כא׳ כצ״ל בחידק   כב׳ חסר א׳

דאָס וואַסער, און האָט געזאָגט: ווו איז יהוה דער גאָט פון אֵלִיָהון? און אַז ער אויך האָט געשלאָגן דאָס וואַסער, האָט דאָס וואַסער זיך צעטיילט אַהין און אַהער, און אֱלִישָע איז אַריבערגעגאַנגען.

[15] און די יונגע נביאים וואָס פון יריחו האָבן אים געזען פון אַקעגנאיבער, און זיי האָבן געזאָגט: דער גייסט פון אֵלִיָהון רוט אויף אֱלִישָען. און זיי זיינען אים געקומען אַנטקעגן, און האָבן זיך געבוקט פאַר אים צו דער ערד. [16] און זיי האָבן צו אים געזאָגט: אָט, איך בעט דיך, זיינען צווישן דיינע קנעכט פופציק מאַן, העלדישע יונגען; זאָלן זיי גיין, איך בעט דיך, און זוכן דיין האַר; טאָמער האָט אים דער גייסט פון גאָט פאַרטראָגן און אים פאַרוואָרפן אויף איינעם פון די בערג, אָדער אין איינעם פון די טאָלן. האָט ער געזאָגט: איר זאָלט ניט שיקן. [17] זיינען זיי צוגעשטאַנען צו אים ביז ער האָט זיך געשעמט, און ער האָט געזאָגט: שיקט. און זיי האָבן געשיקט פופציק מאַן, און זיי האָבן געזוכט דריי טעג, און האָבן אים ניט געפונען. [18] האָבן זיי זיך אומגעקערט צו אים, ווי ער איז געזעסן אין יריחו; און ער האָט צו זיי געזאָגט: האָב איך אַייך ניט געזאָגט: איר זאָלט ניט גיין?

[19] און די מענטשן פון דער שטאָט האָבן געזאָגט צו אֱלִישָען: זע נאָר, דער אָרט פון דער שטאָט איז אַ גוטער, אַזוי ווי אונדזער האַר זעט, אָבער דאָס וואַסער איז שלעכט, און דאָס לאַנד פאַרוואַרפט. [20] האָט ער געזאָגט: ברענגט מיר אַ נייע שיסל, און טוט אַריין אַהין זאַלץ. האָבן זיי עס אים געבראַכט. [21] און ער איז אַרויסגעגאַנגען צו דעם אַרויסגאַנג פונעם וואַסער, און האָט אַהין אַריינגעוואָרפן זאַלץ, און געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך האָב געזונט געמאַכט דאָסדאָזיקע וואַסער; מער זאָל פון דאָרטן ניט זיין קיין טויט און קיין פאַרוואַרפערין. [22] און דאָס וואַסער איז געזונט געוואָרן ביז אויף היינטיקן טאָג, אַזוי ווי דאָס וואָרט וואָס אֱלִישָע האָט גערעדט.

[23] און ער איז אַרויפגעגאַנגען פון דאָרטן קיין בֵּית־אֵל. און ווי ער גייט אַרויף מיטן וועג, אַזוי זיינען אַרויסגעגאַנגען פון שטאָט קליינע יינגלעך, און האָבן געשפּעט פון אים, און האָבן צו אים געזאָגט: גיי אַרויף, פּליכקאָפּ! גיי אַרויף, פּליכקאָפּ! [24] האָט ער זיך אומגעקערט הינטער זיך, און האָט זיי דערזען, און ער האָט זיי געשאָלטן אין נאָמען פון גאָט. זיינען אַרויסגעקומען צוויי בערינטעס פון וואַלד, און האָבן צעריסן פון זיי צוויי און פערציק קינדער.

[25] און ער איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן צום באַרג כַּרמֶל, און פון דאָרטן האָט ער זיך אומגעקערט קיין שומרון.

ג [1] און יהוֹרָם דער זון פון אַחְאָבן איז געוואָרן מלך איבער ישׂראל אין שומרון אין אַכצנטן יאָר פון יהוֹשָפָט דעם מלך פון יהודה; און ער האָט געקיניגט צוועלף יאָר.

[2] און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, נאָר ניט אַזוי ווי זיין פאָטער און ווי זיין מוטער;

וּכְאִמּוֹ וַיָּסַר אֶת־מַצְּבַת הַבַּעַל אֲשֶׁר עָשָׂה אָבִיו׃ רַק ג
בְּחַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר־הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל דָּבֵק
לֹא־סָר מִמֶּנָּה׃ וּמֵישַׁע מֶלֶךְ־מוֹאָב הָיָה נֹקֵד ד
וְהֵשִׁיב לְמֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל מֵאָה־אֶלֶף כָּרִים וּמֵאָה אֶלֶף
אֵילִים צָמֶר׃ וַיְהִי כְּמוֹת אַחְאָב וַיִּפְשַׁע מֶלֶךְ־מוֹאָב בְּמֶלֶךְ ה
יִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּצֵא הַמֶּלֶךְ יְהוֹרָם בַּיּוֹם הַהוּא מִשֹּׁמְרוֹן וַיִּפְקֹד ו
אֶת־כָּל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּלֶךְ וַיִּשְׁלַח אֶל־יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־יְהוּדָה ז
לֵאמֹר מֶלֶךְ מוֹאָב פָּשַׁע בִּי הֲתֵלֵךְ אִתִּי אֶל־מוֹאָב
לַמִּלְחָמָה וַיֹּאמֶר אֶעֱלֶה כָּמוֹנִי כָמוֹךָ כְּעַמִּי כְעַמֶּךָ כְּסוּסַי
כְּסוּסֶיךָ׃ וַיֹּאמֶר אֵי־זֶה הַדֶּרֶךְ נַעֲלֶה וַיֹּאמֶר דֶּרֶךְ מִדְבַּר ח
אֱדוֹם׃ וַיֵּלֶךְ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וּמֶלֶךְ יְהוּדָה וּמֶלֶךְ אֱדוֹם ט
וַיָּסֹבּוּ דֶּרֶךְ שִׁבְעַת יָמִים וְלֹא־הָיָה מַיִם לַמַּחֲנֶה וְלַבְּהֵמָה
אֲשֶׁר בְּרַגְלֵיהֶם׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אֲהָהּ כִּי־קָרָא י
יְהוָה לִשְׁלֹשֶׁת הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה לָתֵת אוֹתָם בְּיַד־מוֹאָב׃
וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט הַאֵין פֹּה נָבִיא לַיהוָה וְנִדְרְשָׁה אֶת־יְהוָה יא
מֵאוֹתוֹ וַיַּעַן אֶחָד מֵעַבְדֵי מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַיֹּאמֶר פֹּה אֱלִישָׁע
בֶּן־שָׁפָט אֲשֶׁר־יָצַק מַיִם עַל־יְדֵי אֵלִיָּהוּ׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹשָׁפָט יב
יֵשׁ אוֹתוֹ דְּבַר־יְהוָה וַיֵּרְדוּ אֵלָיו מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וִיהוֹשָׁפָט
וּמֶלֶךְ אֱדוֹם׃ וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל מַה־לִּי יג
וָלָךְ לֵךְ אֶל־נְבִיאֵי אָבִיךָ וְאֶל־נְבִיאֵי אִמֶּךָ וַיֹּאמֶר לוֹ מֶלֶךְ
יִשְׂרָאֵל אַל כִּי־קָרָא יְהוָה לִשְׁלֹשֶׁת הַמְּלָכִים הָאֵלֶּה לָתֵת
אוֹתָם בְּיַד מוֹאָב׃ וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע חַי־יְהוָה צְבָאוֹת אֲשֶׁר יד
עָמַדְתִּי לְפָנָיו כִּי לוּלֵי פְּנֵי יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ־יְהוּדָה אֲנִי נֹשֵׂא
אִם־אַבִּיט אֵלֶיךָ וְאִם־אֶרְאֶךָּ׃ וְעַתָּה קְחוּ־לִי מְנַגֵּן וְהָיָה טו
כְּנַגֵּן הַמְנַגֵּן וַתְּהִי עָלָיו יַד יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר כֹּה אָמַר יְהוָה טז
עָשֹׂה הַנַּחַל הַזֶּה גֵּבִים ׀ גֵּבִים׃ כִּי־כֹה ׀ אָמַר יְהוָה לֹא־ יז
תִרְאוּ רוּחַ וְלֹא־תִרְאוּ גֶשֶׁם וְהַנַּחַל הַהוּא יִמָּלֵא מָיִם

ג׳ מלא ו׳ ז׳ בס״א מלרע

וואָרום ער האָט אָפּגעטאָן דעם זיילשטיין פון בַּעַל וואָס זיין פאָטער האָט געמאַכט. 3 אָבער ער איז געווען באַהעפט אָן די זינד פון יָרָבְעָם דעם זון פון נְבָטן, וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל; ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט דערפון.

4 און מֵישַׁע דער מלך פון מואָב האָט געהאַלטן שאָף, און ער פלעגט צאָלן דעם מלך פון ישׂראל די וואָל פון הונדערט טויזנט לעמער און הונדערט טויזנט ווידערס. 5 און עס איז געווען, ווי אַחְאָב איז געשטאָרבן, אַזוי האָט דער מלך פון מואָב ווידערשפּעניקט אָן דעם מלך פון ישׂראל. 6 איז דער מלך יהוֹרָם אַרויסגעגאַנגען אין יענעם טאָג פון שומרון, און האָט איבערגעציילט גאַנץ ישׂראל. 7 און ער איז געגאַנגען און האָט געשיקט צו יהוֹשָׁפָט דעם מלך פון יהודה, אַזוי צו זאָגן: דער מלך פון מואָב האָט ווידערשפּעניקט אָן מיר; ווּעסטו גיין מיט מיר אַקעגן מואָב אויף מלחמה? האָט ער געזאָגט: איך וועל אַרויפגיין; אַזוי ווי דו אַזוי איך, אַזוי ווי דיין פאָלק אַזוי מיין פאָלק, אַזוי ווי דיינע פערד אַזוי מיינע פערד. 8 האָט ער געפרעגט: מיט וואָסער וועג זאָלן מיר אַרויפגיין? האָט ער געזאָגט: מיטן וועג פון דעם מדבר פון אֱדום.

9 איז געגאַנגען דער מלך פון ישׂראל, און דער מלך פון יהודה, און דער מלך פון אֱדום, און זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט זיבן טעג וועגס, און עס איז ניט געווען קיין וואַסער פאַרן חיל, און פאַר די בהמות וואָס הינטער זיי. 10 האָט דער מלך פון ישׂראל געזאָגט: וויי! וואָרום גאָט האָט צונויפגערופן דידאָזיקע דריי מלכים, זיי צו געבן אין דער האַנט פון מואָב. 11 האָט יהוֹשָׁפָט געזאָגט: איז דאָ ניטאָ אַ נביא פון גאָט, אַז מיר זאָלן פרעגן דורך אים ביי גאָט? האָט זיך אָפּגערופן איינער פון די קנעכט פון דעם מלך פון ישׂראל, און האָט געזאָגט: דאָ איז דאָ אֱלִישָׁע דער זון פון שָׁפָטן, וואָס האָט געגאָסן וואַסער אויף די הענט פון אֵלִיָהון. 12 האָט יהוֹשָׁפָט געזאָגט: ביי אים איז דאָ דאָס וואָרט פון גאָט. און דער מלך פון ישׂראל און יהוֹשָׁפָט און דער מלך פון אֱדום האָבן אַראָפּגענידערט צו אים. 13 האָט אֱלִישָׁע געזאָגט צו דעם מלך פון ישׂראל: וואָס קער איך זיך אָן מיט דיר? גיי צו די נביאים פון דיין פאָטער, און צו די נביאים פון דיין מוטער. האָט דער מלך פון ישׂראל צו אים געזאָגט: ניטע! וואָרום גאָט האָט צונויפגערופן דידאָזיקע דריי מלכים, זיי צו געבן אין דער האַנט פון מואָב. 14 האָט אֱלִישָׁע געזאָגט: אַזוי ווי עס לעבט גאָט פון צבָאות וואָס איך שטיי פאַר אים, אַז ווען איך שוין ניט דעם פנים פון יהוֹשָׁפָט דעם מלך פון יהודה, אויב איך וואָלט געקוקט אויף דיר, און אויב איך וואָלט דיך אָנגעזען! 15 און אַצונד, ברענגט מיר אַ שפּילער.

און עס איז געווען, ווי דער שפּילער האָט געשפּילט, אַזוי איז אויף אים געווען די האַנט פון גאָט. 16 און ער האָט געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: מאַכט דעמדאָזיקן טאָל גריבער אויף גריבער. 17 וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איר וועט ניט זען קיין ווינט, און ניט זען קיין רעגן, און דערדאָזיקער טאָל וועט אָנגעפילט ווערן מיט וואַסער, און

איר וועט טרינקען, איר און אײַערע פי און אײַערע בהמות. [18] און דאָס איז נאָך ווינציק אין די אויגן פון גאָט; ער וועט אויך געבן מואָב אין אײַער האַנט. [19] און איר וועט שלאָגן יעטוועדער באַפעסטיקטע שטאָט, און יעטװעדער אויסדערװײלטע שטאָט; און יעטוועדער גוטן בוים וועט איר אײַנוואַרפן, און יעטוועדער קוואַל וואַסער וועט איר פאַרשטאָפּן, און יעטוועדער גוט שטיק פעלד וועט איר פאַרדאַרבן מיט שטיינער.

[20] און עס איז געווען אין דער פרי, ווען מע ברענגט אויף דעם קרבן, ערשט וואַסער קומט אַרויס פון דעם וועג פון אֶדום, און דאָס לאַנד איז פול געוואָרן מיטן וואַסער.

[21] און גאַנץ מואָב האָבן געהערט אַז די מלכים זײַנען אַרויפגעקומען מלחמה צו האַלטן אויף זיי, און זיי האָבן זיך אײַנגעזאַמלט, פון איטלעכן וואָס גורט אָן אַן אָנגורט און העכער; און זיי האָבן זיך געשטעלט בײַם געמאַרק. [22] און ווי זיי האָבן זיך געפעדערט אין דער פרי, אַזוי האָט די זון געשײַנט אויפן וואַסער, און די מואָבים האָבן געזען פון ווײַטן דאָס וואַסער רויט אַזוי ווי בלוט. [23] האָבן זיי געזאָגט: בלוט איז דאָס; צעקריגן האָבן זיך צעקריגט די מלכים, און זיי האָבן געשלאָגן איינער דעם אַנדערן. און אַצונד, צום רויב, מואָב!

[24] און זיי זײַנען געקומען אין לאַגער פון ישראל, און די ישראל זײַנען אויפגעשטאַנען און האָבן געשלאָגן מואָב ביז זיי זײַנען אַנטלאָפן פאַר זיי. און זיי האָבן דאָרטן געשלאָגן און געשלאָגן מואָב. [25] און די שטעט האָבן זיי צעשטערט, און ווו נאָר אַ גוט שטיק פעלד, האָבן זיי איטלעכער געוואָרפן אַ שטיין און האָבן עס אָנגעפילט, און יעטוועדער קוואַל וואַסער האָבן זיי פאַרשטאָפּט. און יעטוועדער גוטן בוים האָבן זיי אײַנגעוואָרפן, ביז זיי האָבן בלויז איבערגעלאָזן אירע מויערשטיינער אין קיר־חֲרֶשֶׂת; און די שלײַדערער האָבן זי אַרומגערינגלט, און האָבן זי צעשלאָגן.

[26] און דער מלך פון מואָב האָט געזען אַז די מלחמה איז שטאַרקער פון אים, און ער האָט גענומען מיט זיך זיבן הונדערט מאַן וואָס ציען אַ שווערד, כּדי דורכצוברעכן צו דעם מלך פון אֶדום, אָבער זיי האָבן ניט געקענט. [27] האָט ער גענומען זײַן זון דעם בכור וואָס האָט געזאָלט קיניגן נאָך אים, און האָט אים אויפגעבראַכט פאַר אַ בראַנדאָפּפער אויף דער מויער. און עס איז געוואָרן אַ גרויסער צאָרן אויף ישראל; און זיי האָבן אַוועקגעצויגן פון אים, און האָבן זיך אומגעקערט אין לאַנד.

ד [1] און איינע אַ פרוי פון די ווײַבער פון די יונגע נביאים האָט געשריען צו אֱלישָען, אַזוי צו זאָגן: דײַן קנעכט, מײַן מאַן, איז טויט; און דו ווייסט אַז דײַן קנעכט איז געווען גאָטספאָרכטיק; און דער בעל־חוב איז געקומען נעמען צו זיך מײַנע צוויי קינדער פאַר קנעכט. [2] האָט אֱלישָע צו איר געזאָגט: וואָס זאָל איך דיר טאָן? זאָג מיר וואָס האָסטו אין הויז? האָט זי געזאָגט: דײַן דינסט האָט גאָרנישט אין הויז, נאָר בלויז אַ קריגל אייל. [3] האָט ער געזאָגט: גיי באָרג דיר

יח וּשְׁתִיתֶם אַתֶּם וּמִקְנֵיכֶם וּבְהֶמְתְּכֶם׃ וְנָקַל זֹאת בְּעֵינֵי
יט יְהוָה וְנָתַן אֶת־מוֹאָב בְּיֶדְכֶם׃ וְהִכִּיתֶם כָּל־עִיר מִבְצָר
וְכָל־עִיר מִבְחוֹר וְכָל־עֵץ טוֹב תַּפִּילוּ וְכָל־מַעְיְנֵי־מַיִם
כ תִּסְתֹּמוּ וְכֹל הַחֶלְקָה הַטּוֹבָה תַּכְאִבוּ בָּאֲבָנִים׃ וַיְהִי
בַבֹּקֶר כַּעֲלוֹת הַמִּנְחָה וְהִנֵּה־מַיִם בָּאִים מִדֶּרֶךְ אֱדוֹם
כא וַתִּמָּלֵא הָאָרֶץ אֶת־הַמָּיִם׃ וְכָל־מוֹאָב שָׁמְעוּ כִּי־עָלוּ
הַמְּלָכִים לְהִלָּחֶם בָּם וַיִּצָּעֲקוּ מִכֹּל חֹגֵר חֲגֹרָה וָמָעְלָה
כב וַיַּעַמְדוּ עַל־הַגְּבוּל׃ וַיַּשְׁכִּימוּ בַבֹּקֶר וְהַשֶּׁמֶשׁ זָרְחָה עַל־
כג הַמָּיִם וַיִּרְאוּ מוֹאָב מִנֶּגֶד אֶת־הַמַּיִם אֲדֻמִּים כַּדָּם׃ וַיֹּאמְרוּ
דָּם זֶה הָחֳרֵב נֶחֶרְבוּ הַמְּלָכִים וַיַּכּוּ אִישׁ אֶת־רֵעֵהוּ וְעַתָּה
כד לַשָּׁלָל מוֹאָב׃ וַיָּבֹאוּ אֶל־מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל וַיָּקֻמוּ יִשְׂרָאֵל
וַיַּכּוּ אֶת־מוֹאָב וַיָּנֻסוּ מִפְּנֵיהֶם וַיַּכּוּ־בָהּ וְהַכּוֹת אֶת־מוֹאָב׃
כה וְהֶעָרִים יַהֲרֹסוּ וְכָל־חֶלְקָה טוֹבָה יַשְׁלִיכוּ אִישׁ־אַבְנוֹ
וּמִלְאוּהָ וְכָל־מַעְיַן־מַיִם יִסְתֹּמוּ וְכָל־עֵץ־טוֹב יַפִּילוּ עַד־
הִשְׁאִיר אֲבָנֶיהָ בַּקִּיר חֲרָשֶׂת וַיָּסֹבּוּ הַקַּלָּעִים וַיַּכּוּהָ׃
כו וַיַּרְא מֶלֶךְ מוֹאָב כִּי־חָזַק מִמֶּנּוּ הַמִּלְחָמָה וַיִּקַּח אוֹתוֹ
שְׁבַע־מֵאוֹת אִישׁ שֹׁלֵף חֶרֶב לְהַבְקִיעַ אֶל־מֶלֶךְ אֱדוֹם
כז וְלֹא יָכֹלוּ׃ וַיִּקַּח אֶת־בְּנוֹ הַבְּכוֹר אֲשֶׁר־יִמְלֹךְ תַּחְתָּיו
וַיַּעֲלֵהוּ עֹלָה עַל־הַחֹמָה וַיְהִי קֶצֶף־גָּדוֹל עַל־יִשְׂרָאֵל וַיִּסְעוּ
מֵעָלָיו וַיָּשֻׁבוּ לָאָרֶץ׃

ד

א וְאִשָּׁה אַחַת מִנְּשֵׁי בְנֵי־הַנְּבִיאִים צָעֲקָה אֶל־אֱלִישָׁע
לֵאמֹר עַבְדְּךָ אִישִׁי מֵת וְאַתָּה יָדַעְתָּ כִּי עַבְדְּךָ הָיָה יָרֵא
אֶת־יְהוָה וְהַנֹּשֶׁה בָּא לָקַחַת אֶת־שְׁנֵי יְלָדַי לוֹ לַעֲבָדִים׃
ב וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אֱלִישָׁע מָה אֶעֱשֶׂה־לָּךְ הַגִּידִי לִי מַה־יֶּשׁ־
לָכִי בַּבָּיִת וַתֹּאמֶר אֵין לְשִׁפְחָתְךָ כֹל בַּבַּיִת כִּי אִם־אָסוּךְ
ג שָׁמֶן׃ וַיֹּאמֶר לְכִי שַׁאֲלִי־לָךְ כֵּלִים מִן־הַחוּץ מֵאֵת כָּל־

ג, כד׳ ויכו ק   סבירין בם   ד, א׳ הפטרת וירא   ב׳ לך קרי

ד שְׁכֵנָכִי כֵּלִים רֵקִים אַל־תַּמְעִיטִי׃ וּבָאת וְסָגַרְתְּ הַדֶּלֶת
בַּעֲדֵךְ וּבְעַד־בָּנַיִךְ וְיָצַקְתְּ עַל כָּל־הַכֵּלִים הָאֵלֶּה וְהַמָּלֵא
ה תַּסִּיעִי׃ וַתֵּלֶךְ מֵאִתּוֹ וַתִּסְגֹּר הַדֶּלֶת בַּעֲדָהּ וּבְעַד בָּנֶיהָ
ו הֵם מַגִּשִׁים אֵלֶיהָ וְהִיא מוֹצָקֶת׃ וַיְהִי׀ כִּמְלֹאת הַכֵּלִים
וַתֹּאמֶר אֶל־בְּנָהּ הַגִּישָׁה אֵלַי עוֹד כֶּלִי וַיֹּאמֶר אֵלֶיהָ אֵין
ז עוֹד כֶּלִי וַיַּעֲמֹד הַשָּׁמֶן׃ וַתָּבֹא וַתַּגֵּד לְאִישׁ הָאֱלֹהִים
וַיֹּאמֶר לְכִי מִכְרִי אֶת־הַשֶּׁמֶן וְשַׁלְּמִי אֶת־נִשְׁיֵכִי וְאַתְּ
ח בָּנַיִכִי תִּחְיִי בַּנּוֹתָר׃ וַיְהִי הַיּוֹם וַיַּעֲבֹר אֱלִישָׁע
אֶל־שׁוּנֵם וְשָׁם אִשָּׁה גְדוֹלָה וַתַּחֲזֶק־בּוֹ לֶאֱכָל־לָחֶם וַיְהִי
ט מִדֵּי עָבְרוֹ יָסֻר שָׁמָּה לֶאֱכָל־לָחֶם׃ וַתֹּאמֶר אֶל־אִישָׁהּ
הִנֵּה־נָא יָדַעְתִּי כִּי אִישׁ אֱלֹהִים קָדוֹשׁ הוּא עֹבֵר עָלֵינוּ
י תָּמִיד׃ נַעֲשֶׂה־נָּא עֲלִיַּת־קִיר קְטַנָּה וְנָשִׂים לוֹ שָׁם מִטָּה
וְשֻׁלְחָן וְכִסֵּא וּמְנוֹרָה וְהָיָה בְּבֹאוֹ אֵלֵינוּ יָסוּר שָׁמָּה׃
יא וַיְהִי הַיּוֹם וַיָּבֹא שָׁמָּה וַיָּסַר אֶל־הָעֲלִיָּה וַיִּשְׁכַּב־שָׁמָּה׃
יב וַיֹּאמֶר אֶל־גֵּיחֲזִי נַעֲרוֹ קְרָא לַשּׁוּנַמִּית הַזֹּאת וַיִּקְרָא־
יג לָהּ וַתַּעֲמֹד לְפָנָיו׃ וַיֹּאמֶר לוֹ אֱמָר־נָא אֵלֶיהָ הִנֵּה
חָרַדְתְּ׀ אֵלֵינוּ אֶת־כָּל־הַחֲרָדָה הַזֹּאת מֶה לַעֲשׂוֹת לָךְ
הֲיֵשׁ לְדַבֶּר־לָךְ אֶל־הַמֶּלֶךְ אוֹ אֶל־שַׂר הַצָּבָא וַתֹּאמֶר
יד בְּתוֹךְ עַמִּי אָנֹכִי יֹשָׁבֶת׃ וַיֹּאמֶר וּמֶה לַעֲשׂוֹת לָהּ וַיֹּאמֶר
טו גֵּיחֲזִי אֲבָל בֵּן אֵין־לָהּ וְאִישָׁהּ זָקֵן׃ וַיֹּאמֶר קְרָא־לָהּ
טז וַיִּקְרָא־לָהּ וַתַּעֲמֹד בַּפָּתַח׃ וַיֹּאמֶר לַמּוֹעֵד הַזֶּה כָּעֵת
חַיָּה אַתְּי חֹבֶקֶת בֵּן וַתֹּאמֶר אַל־אֲדֹנִי אִישׁ הָאֱלֹהִים
יז אַל־תְּכַזֵּב בְּשִׁפְחָתֶךָ׃ וַתַּהַר הָאִשָּׁה וַתֵּלֶד בֵּן לַמּוֹעֵד
יח הַזֶּה כָּעֵת חַיָּה אֲשֶׁר־דִּבֶּר אֵלֶיהָ אֱלִישָׁע׃ וַיִּגְדַּל הַיָּלֶד
יט וַיְהִי הַיּוֹם וַיֵּצֵא אֶל־אָבִיו אֶל־הַקֹּצְרִים׃ וַיֹּאמֶר אֶל־אָבִיו
כ רֹאשִׁי׀ וַיֹּאמֶר אֶל־הַנַּעַר שָׂאֵהוּ אֶל־אִמּוֹ׃ וַיִּשָּׂאֵהוּ
וַיְבִיאֵהוּ אֶל־אִמּוֹ וַיֵּשֶׁב עַל־בִּרְכֶּיהָ עַד־הַצָּהֳרַיִם וַיָּמֹת׃

ג׳ שכנך ק   ה׳ מוצקת קרי   ז׳ נשיך ק   ובניך ק   טז׳ את ק

כּלים פון דערויסן, פון אַלע דײַנע שכנים, לײדיקע כּלים; זאָלסט ניט קאַרגן. [4] און זאָלסט אַרײַנגײן און פאַרשליסן די טיר הינטער דיר און הינטער דײַנע זין, און זאָלסט אָנגיסן אין אַלע דיזאָזיקע כּלים; און די פולע זאָלסטו אַוועקרוקן.

[5] איז זי אַוועקגעגאַנגען פון אים, און זי האָט פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיך און הינטער אירע זין: זײ האָבן איר דערלאַנגט, און זי האָט אָנגעגאָסן. [6] און עס איז געווען, ווי די כּלים זײַנען געוואָרן פול, אַזוי האָט זי געזאָגט צו איר זון: דערלאַנג מיר נאָך אַ כּלי. האָט ער צו איר געזאָגט: ניטאָ מער קײן כּלי. און דאָס אײל האָט זיך אָפּגעשטעלט.

[7] איז זי געקומען, און האָט דערצײלט דעם געטלעכן מאַן, און ער האָט געזאָגט: גײ פאַרקויף דאָס אײל, און באַצאָל דײַן חוב, און דו מיט דײַנע זין װעסט לעבן אויף דעם רעשט.

[8] און עס איז געווען אײן טאָג, איז אֶלִישָׁע אַריבערגעגאַנגען קײן שוּנֵם, און דאָרטן איז געווען אַ רײַכע פרוי, האָט זי אים פאַרהאַלטן צו עסן ברויט. און עס איז געווען, אַז ווען נאָר ער איז דורכגעגאַנגען, פלעגט ער פאַרקערן אַהין צו עסן ברויט. [9] האָט זי געזאָגט צו איר מאַן: זע, איך בעט דיך, איך ווײס אַז דאָס איז אַ הײליקער מאַן פון גאָט וואָס גײט דורך בײַ אונדז תּמיד. [10] לאָמיר מאַכן, איך בעט דיך, אַ קלײן געמויערט אויבערשטיבל, און לאָמיר דאָרטן אַוועקשטעלן פאַר אים אַ בעט, און אַ טיש און אַ שטול, און אַ לאָמפּ, און עס וועט זײַן, ווי ער קומט צו אונדז, אַזוי וועט ער אײַנקערן אַהין.

[11] און עס איז געווען אײן טאָג, איז ער אַהין געקומען, און ער האָט אײַנגעקערט אין דער אויבערשטוב, און האָט זיך דאָרטן געלײגט. [12] און ער האָט געזאָגט צו זײַן יונג גֵיחזי: רוף דיזאָזיקע שוּנַמית. האָט ער זי גערופן, און זי האָט זיך געשטעלט פאַר אים.

[13] האָט ער צו אים געזאָגט: זאָג אָקאָרשט צו איר: זע, דו האָסט געזאָרגט פון אונדזערטוועגן דיזאָזיקע גאַנצע זאָרג; וואָס איז דאָ צו טאָן פאַר דיר? איז דאָ צו רעדן פאַר דיר צום מלך אָדער צום האַר פון חיל? האָט זי געזאָגט: צווישן מײַן שטאָם זיץ איך.

[14] האָט ער געזאָגט: וואָס איז פאָרט דאָ צו טאָן פאַר איר? האָט גֵיחזי געזאָגט: פאָרוואָר, זי האָט ניט קײן קינד, און איר מאַן איז אַלט. [15] האָט ער געזאָגט: רוף זי, און ער האָט זי גערופן, און זי האָט זיך געשטעלט אין טיר. [16] האָט ער געזאָגט: אין דער צײַט, אַזוי ווי איצט איבער אַ יאָר, וועסטו האַלדזן אַ זון. האָט זי געזאָגט: נײן, מײַן האַר געטלעכער מאַן! זאָלסט ניט נאַרן דײַן דינסט.

[17] און די פרוי איז טראָגעדיק געוואָרן, און זי האָט געבאָרן אַ זון אין דער צײַט, אין אַ יאָר אַרום, אַזוי ווי אֶלִישָׁע האָט צו איר גערעדט.

[18] און דאָס קינד איז אויפגעוואַקסן; און עס איז געווען אײן טאָג, איז ער אַרויסגעגאַנגען צו זײַן פאָטער בײַ די שניטערס. [19] און ער האָט געזאָגט צו זײַן פאָטער: מײַן קאָפּ, מײַן קאָפּ! האָט ער געזאָגט צום יונג: טראָג אים אַוועק צו זײַן מוטער. [20] האָט ער אים אַוועקגעטראָגן און אים געבראַכט צו זײַן מוטער. און ער איז געזעסן אויף אירע קני ביז האַלבן טאָג, און איז געשטאָרבן.

כא וַתַּעַל וַתַּשְׁכִּבֵהוּ עַל־מִטַּת אִישׁ הָאֱלֹהִים וַתִּסְגֹּר בַּעֲדוֹ
כב וַתֵּצֵא׃ וַתִּקְרָא אֶל־אִישָׁהּ וַתֹּאמֶר שִׁלְחָה נָא לִי אֶחָד
מִן־הַנְּעָרִים וְאַחַת הָאֲתֹנוֹת וְאָרוּצָה עַד־אִישׁ הָאֱלֹהִים
כג וְאָשׁוּבָה׃ וַיֹּאמֶר מַדּוּעַ אַתְּ הֹלַכְתִּי אֵלָיו הַיּוֹם לֹא־
כד חֹדֶשׁ וְלֹא שַׁבָּת וַתֹּאמֶר שָׁלוֹם׃ וַתַּחֲבֹשׁ הָאָתוֹן וַתֹּאמֶר
אֶל־נַעֲרָהּ נְהַג וָלֵךְ אַל־תַּעֲצָר־לִי לִרְכֹּב כִּי אִם־אָמַרְתִּי
כה לָךְ׃ וַתֵּלֶךְ וַתָּבוֹא אֶל־אִישׁ הָאֱלֹהִים אֶל־הַר הַכַּרְמֶל
וַיְהִי כִּרְאוֹת אִישׁ־הָאֱלֹהִים אֹתָהּ מִנֶּגֶד וַיֹּאמֶר אֶל־גֵּיחֲזִי
כו נַעֲרוֹ הִנֵּה הַשּׁוּנַמִּית הַלָּז׃ עַתָּה רוּץ־נָא לִקְרָאתָהּ וֶאֱמָר־
לָהּ הֲשָׁלוֹם לָךְ הֲשָׁלוֹם לְאִישֵׁךְ הֲשָׁלוֹם לַיָּלֶד וַתֹּאמֶר
כז שָׁלוֹם׃ וַתָּבֹא אֶל־אִישׁ הָאֱלֹהִים אֶל־הָהָר וַתַּחֲזֵק בְּרַגְלָיו
וַיִּגַּשׁ גֵּיחֲזִי לְהָדְפָהּ וַיֹּאמֶר אִישׁ הָאֱלֹהִים הַרְפֵּה־לָהּ
כִּי־נַפְשָׁהּ מָרָה־לָהּ וַיהוָה הֶעְלִים מִמֶּנִּי וְלֹא הִגִּיד לִי׃
כח וַתֹּאמֶר הֲשָׁאַלְתִּי בֵן מֵאֵת אֲדֹנִי הֲלֹא אָמַרְתִּי לֹא תַשְׁלֶה
כט אֹתִי׃ וַיֹּאמֶר לְגֵיחֲזִי חֲגֹר מָתְנֶיךָ וְקַח מִשְׁעַנְתִּי בְיָדְךָ
וָלֵךְ כִּי־תִמְצָא אִישׁ לֹא תְבָרְכֶנּוּ וְכִי־יְבָרֶכְךָ אִישׁ לֹא
ל תַעֲנֶנּוּ וְשַׂמְתָּ מִשְׁעַנְתִּי עַל־פְּנֵי הַנָּעַר׃ וַתֹּאמֶר אֵם הַנַּעַר
לא חַי־יְהוָה וְחֵי־נַפְשְׁךָ אִם־אֶעֶזְבֶךָּ וַיָּקָם וַיֵּלֶךְ אַחֲרֶיהָ׃ וְגֵחֲזִי
עָבַר לִפְנֵיהֶם וַיָּשֶׂם אֶת־הַמִּשְׁעֶנֶת עַל־פְּנֵי הַנַּעַר וְאֵין
קוֹל וְאֵין קָשֶׁב וַיָּשָׁב לִקְרָאתוֹ וַיַּגֶּד־לוֹ לֵאמֹר לֹא הֵקִיץ
לב הַנָּעַר׃ וַיָּבֹא אֱלִישָׁע הַבָּיְתָה וְהִנֵּה הַנַּעַר מֵת מֻשְׁכָּב
לג עַל־מִטָּתוֹ׃ וַיָּבֹא וַיִּסְגֹּר הַדֶּלֶת בְּעַד שְׁנֵיהֶם וַיִּתְפַּלֵּל
לד אֶל־יְהוָה׃ וַיַּעַל וַיִּשְׁכַּב עַל־הַיֶּלֶד וַיָּשֶׂם פִּיו עַל־פִּיו
וְעֵינָיו עַל־עֵינָיו וְכַפָּיו עַל־כַּפָּו וַיִּגְהַר עָלָיו וַיָּחָם בְּשַׂר
לה הַיָּלֶד׃ וַיָּשָׁב וַיֵּלֶךְ בַּבַּיִת אַחַת הֵנָּה וְאַחַת הֵנָּה וַיַּעַל
וַיִּגְהַר עָלָיו וַיְזוֹרֵר הַנַּעַר עַד־שֶׁבַע פְּעָמִים וַיִּפְקַח הַנַּעַר
לו אֶת־עֵינָיו׃ וַיִּקְרָא אֶל־גֵּיחֲזִי וַיֹּאמֶר קְרָא אֶל־הַשֻּׁנַמִּית

כג׳ את קרי הלכת ק׳ עי׳ לספרדים לד׳ כפו קרי לו׳ ס״א לשנמית

21 איז זי אַרויפגעגאַנגען, און האָט אים אַוועקגעלייגט אויפן בעט פון דעם געטלעכן מאַן, און זי האָט אים פאַרשלאָסן, און איז אַרויסגעגאַנגען. 22 און זי האָט גערופן צו איר מאַן און האָט געזאָגט: שיק מיר, איך בעט דיך, איינעם פון די יונגען מיט איינער פון די אייזעלינס, און איך וועל אַריבערלויפן צום געטלעכן מאַן, און וועל זיך אומקערן. 23 האָט ער צו איר געזאָגט: פאַרוואָס גייסטו צו אים היינט, ניט ראָש־חודש און ניט שבת? האָט זי געזאָגט: עס איז פריד.

24 און זי האָט אָנגעזאָטלט די אייזעלין, און האָט געזאָגט צו איר יונג: טרייב און גיי; זאָלסט מיך ניט אויפהאַלטן אין רייטן, סיידן איך האָב דיר געהייסן.

25 און זי איז געגאַנגען און געקומען צום געטלעכן מאַן אויפן באַרג כַּרמֶל. און עס איז געווען, ווי דער געטלעכער מאַן האָט זי דערזען פון ווייטן, אַזוי האָט ער געזאָגט צו זיין יונג גֵיחזין: אָט איז יענע שונַמית. 26 אַצונד לויף אַקאָרשט איר אַנטקעגן, און זאָג צו איר: איז פריד צו דיר? איז פריד צו דיין מאַן? איז פריד צום קינד? האָט זי געזאָגט: פריד.

27 און זי איז געקומען צום געטלעכן מאַן אויפן באַרג, און זי האָט זיך אָנגענומען אָן זיינע פיס; האָט גֵיחזי גענענט זי אַוועקצושטויסן, אָבער דער געטלעכער מאַן האָט געזאָגט: לאָז זי אָפּ, וואָרום איר זעל איז פאַרביטערט, און גאָט האָט פאַרהוילן פון מיר, און האָט מיר ניט דערציילט.

28 האָט זי געזאָגט: האָב איך דען געבעטן אַ זון ביי מיין האַר? האָב איך ניט געזאָגט: זאָלסט מיך ניט גענאַרן?

29 האָט ער געזאָגט צו גֵיחזין: גורט אָן דיינע לענדן, און נעם מיין שטעקן אין דיין האַנט, און גיי; אַז דו וועסט אָנטרעפן עמיצן, זאָלסטו אים ניט באַגריסן, און אַז עמיצער וועט דיך באַגריסן, זאָלסטו אים ניט ענטפערן; און זאָלסט אַרויפטאָן מיין שטעקן אויפן יינגלס פנים.

30 האָט געזאָגט די מוטער פון יינגל: אַזוי ווי גאָט לעבט, און אַזוי ווי דיין זעל לעבט, אויב איך וועל דיך אָפּלאָזן! איז ער אויפגעשטאַנען און איז געגאַנגען נאָך איר.

31 און גֵיחזי איז אַוועקגעגאַנגען זיי פאַרויס, און האָט אַרויפגעטאָן דעם שטעקן אויפן יינגלס פנים, אָבער קיין קול און קיין הערונג. האָט ער זיך אומגעקערט אים אַנטקעגן, און האָט אים דערציילט, אַזוי צו זאָגן: דער יינגל האָט זיך ניט אויפגעכאַפּט.

32 און אֶלישָע איז געקומען אין הויז, ערשט דער יינגל איז טויט, אַוועקגעלייגט אויף זיין בעט. 33 איז ער אַריינגעגאַנגען און האָט פאַרשלאָסן די טיר הינטער זיי צווייען, און ער האָט מתפלל געווען צו גאָט. 34 און ער איז אַרויף און האָט זיך געלייגט איבערן קינד, און האָט אַרויפגעטאָן זיין מויל אויף זיין מויל, און זיינע אויגן אויף זיינע אויגן, און זיינע הענט אויף זיינע הענט, און ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף אים, ביז דער לייב פון יינגל איז געוואָרן וואַרעם. 35 און ער האָט זיך אומגעקערט, און איז אומגעגאַנגען אין הויז איין מאָל אַהין און איין מאָל אַהער; און ער איז אַרויף און האָט זיך אויסגעצויגן אויף אים; און דער יינגל האָט גענאָסן ביז זיבן מאָל, און דער יינגל האָט אויפגעמאַכט זיינע אויגן.

36 האָט ער גערופן גֵיחזין, און האָט געזאָגט: רוף דידאָזיקע שונַמית. האָט ער זי גערופן, און זי איז אַריינגעקומען צו אים; האָט ער געזאָגט: נעם דיין זון.

לז הַזֹּאת וַיִּקְרָאֶהָ וַתָּבוֹא אֵלָיו וַיֹּאמֶר שְׂאִי בְנֵךְ׃ וַתָּבֹא
וַתִּפֹּל עַל־רַגְלָיו וַתִּשְׁתַּחוּ אָרְצָה וַתִּשָּׂא אֶת־בְּנָהּ וַתֵּצֵא׃
לח וֶאֱלִישָׁע שָׁב הַגִּלְגָּלָה וְהָרָעָב בָּאָרֶץ וּבְנֵי הַנְּבִיאִים
יֹשְׁבִים לְפָנָיו וַיֹּאמֶר לְנַעֲרוֹ שְׁפֹת הַסִּיר הַגְּדוֹלָה וּבַשֵּׁל
לט נָזִיד לִבְנֵי הַנְּבִיאִים׃ וַיֵּצֵא אֶחָד אֶל־הַשָּׂדֶה לְלַקֵּט אֹרֹת
וַיִּמְצָא גֶּפֶן שָׂדֶה וַיְלַקֵּט מִמֶּנּוּ פַּקֻּעֹת שָׂדֶה מְלֹא בִגְדוֹ
מ וַיָּבֹא וַיְפַלַּח אֶל־סִיר הַנָּזִיד כִּי־לֹא יָדָעוּ׃ וַיִּצְקוּ לַאֲנָשִׁים
לֶאֱכוֹל וַיְהִי כְּאָכְלָם מֵהַנָּזִיד וְהֵמָּה צָעָקוּ וַיֹּאמְרוּ מָוֶת
מא בַּסִּיר אִישׁ הָאֱלֹהִים וְלֹא יָכְלוּ לֶאֱכֹל׃ וַיֹּאמֶר וּקְחוּ־
קֶמַח וַיַּשְׁלֵךְ אֶל־הַסִּיר וַיֹּאמֶר צַק לָעָם וְיֹאכֵלוּ וְלֹא
מב הָיָה דָּבָר רָע בַּסִּיר׃ *וְאִישׁ בָּא מִבַּעַל שָׁלִשָׁה
וַיָּבֵא לְאִישׁ הָאֱלֹהִים לֶחֶם בִּכּוּרִים עֶשְׂרִים־לֶחֶם שְׂעֹרִים
מג וְכַרְמֶל בְּצִקְלֹנוֹ וַיֹּאמֶר תֵּן לָעָם וְיֹאכֵלוּ׃ וַיֹּאמֶר מְשָׁרְתוֹ
מָה אֶתֵּן זֶה לִפְנֵי מֵאָה אִישׁ וַיֹּאמֶר תֵּן לָעָם וְיֹאכֵלוּ כִּי
מד כֹה אָמַר יְהוָה אָכֹל וְהוֹתֵר׃ וַיִּתֵּן לִפְנֵיהֶם וַיֹּאכְלוּ וַיּוֹתִרוּ
כִּדְבַר יְהוָה׃

## ה

א וְנַעֲמָן שַׂר־צְבָא מֶלֶךְ־אֲרָם הָיָה אִישׁ גָּדוֹל לִפְנֵי אֲדֹנָיו
וּנְשֻׂא פָנִים כִּי־בוֹ נָתַן־יְהוָה תְּשׁוּעָה לַאֲרָם וְהָאִישׁ הָיָה
ב גִּבּוֹר חַיִל מְצֹרָע׃ וַאֲרָם יָצְאוּ גְדוּדִים וַיִּשְׁבּוּ מֵאֶרֶץ
ג יִשְׂרָאֵל נַעֲרָה קְטַנָּה וַתְּהִי לִפְנֵי אֵשֶׁת נַעֲמָן׃ וַתֹּאמֶר
אֶל־גְּבִרְתָּהּ אַחֲלֵי אֲדֹנִי לִפְנֵי הַנָּבִיא אֲשֶׁר בְּשֹׁמְרוֹן אָז
ד יֶאֱסֹף אֹתוֹ מִצָּרַעְתּוֹ׃ וַיָּבֹא וַיַּגֵּד לַאדֹנָיו לֵאמֹר כָּזֹאת
ה וְכָזֹאת דִּבְּרָה הַנַּעֲרָה אֲשֶׁר מֵאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־
אֲרָם לֶךְ־בֹּא וְאֶשְׁלְחָה סֵפֶר אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וַיֵּלֶךְ וַיִּקַּח
בְּיָדוֹ עֶשֶׂר כִּכְּרֵי־כֶסֶף וְשֵׁשֶׁת אֲלָפִים זָהָב וְעֶשֶׂר חֲלִיפוֹת
ו בְּגָדִים׃ וַיָּבֵא הַסֵּפֶר אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר וְעַתָּה כְּבוֹא

---

ד, לז׳ ע״כ לאשכנזים    לט׳ סבורין ממנה    מ׳ קמץ מרביעי    מב׳ הפטרת תזריע

[37] איז זי צוגעקומען, און איז געפאַלן צו זיינע פיס, און האָט זיך געבוקט צו דער ערד. און זי האָט גענומען איר זון, און איז אַרויסגעגאַנגען.

[38] און אֶלִישָׁע האָט זיך אומגעקערט קיין גִלְגָל; און אַ הונגער איז געווען אין לאַנד; און די יונגע נביאים זיינען געזעסן פאַר אים; האָט ער געזאָגט צו זיין יונג: שטעל צו דעם גרויסן טאָפּ, און קאָך אָפּ אַ געקעכטס פאַר די יונגע נביאים. [39] איז איינער אַרויסגעגאַנגען אין פעלד קלייבן קרייטעכער, און ער האָט געפונען אַ פעלדביימל און האָט אָנגעקליבן דערפון ווילדע אוגערקעס אַ פול קלייד זיינס. און ער איז געקומען און האָט עס אַריינגעשניטן אין טאָפּ געקעכטס; ווייל זיי האָבן עס ניט געקענט. [40] האָט מען אַריינגעגאָסן די מענטשן צום עסן; און עס איז געווען, ווי זיי האָבן געגעסן פון דעם געקעכטס, אַזוי האָבן זיי אויסגעשריען און געזאָגט: טויט איז אין טאָפּ, געטלעכער מאַן. און זיי האָבן ניט געקענט עסן. [41] האָט ער געזאָגט: טאָ ברענגט מעל. און ער האָט אַריינגעשאָטן אין טאָפּ, און האָט געזאָגט: גיס אַריין פאַר די מענטשן, און זאָלן זיי עסן. און קיין שום בייז איז אין טאָפּ ניט געווען.

[42] און אַ מאַן איז געקומען פון בַעַל-שָלִשָה, און האָט געבראַכט דעם געטלעכן מאַן ברויט פון ערשטער תבואה, צוואַנציק גערשטענע ברויטן, און פרישע זאַנגען אין זיין זאַק. האָט ער געזאָגט: גיב די מענטשן, און זאָלן זיי עסן. [43] האָט זיין משרת געזאָגט: ווי קען איך דאָס דערלאַנגען פאַר הונדערט מאַן? האָט ער געזאָגט: גיב די מענטשן, און זאָלן זיי עסן. וואָרום אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זיי וועלן עסן און נאָך איבערלאָזן. [44] און ער האָט דערלאַנגט פאַר זיי, און זיי האָבן געגעסן און נאָך איבערגעלאָזן, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט.

## ה

[1] און נַעֲמָן דער חיל-פירער פון דעם מלך פון אֲרָם איז געווען אַ גרויסער מאַן ביי זיין האַר, און אָנגעזען, וואָרום דורך אים האָט גאָט געגעבן אַ גרויסע ישועה צו אֲרָם. און דער מאַן איז געווען אַ העלדישער גיבור, אָבער אַ מצורע.

[2] און די אֲרַמִים זיינען אַרויסגעגאַנגען אין באַנדעס, און האָבן געפאַנגען פון לאַנד ישראל אַ קליין מיידל; און זי האָט באַדינט נַעֲמָנס ווייב. [3] האָט זי געזאָגט צו איר האַרינטע: הלוואַי איז מיין האַר ביי דעם נביא וואָס אין שוֹמְרוֹן; ער וואָלט אים דענסמאָל אויסגעהיילט פון זיין צרעת.

[4] איז ער געקומען און האָט דערציילט זיין האַר, אַזוי צו זאָגן: אַזוי און אַזוי האָט גערעדט די מיידל וואָס פון לאַנד ישראל. [5] האָט דער מלך פון אֲרָם געזאָגט: קום גיי, און איך וועל שיקן אַ בריוו צו דעם מלך פון ישראל.

איז ער געגאַנגען, און ער האָט גענומען מיט זיך צען צענטנער זילבער, און זעקס טויזנט גאָלדשטיק, און צען גאַנג קליידער. [6] און ער האָט געבראַכט דעם בריוו צו דעם מלך פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: און אַצונד, ווי

דערדאַזיקער בריוו קומט צו דיר, אָט האָב איך דיר גע־שיקט מיין קנעכט נַעֲמָנען, זאָלסטו אים אויסהיילן פון זיין צרעת.

⁷ און עס איז געווען, ווי דער מלך פון ישראל האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, אַזוי האָט ער צעריסן זיינע קליידער, און האָט געזאָגט: בין איך דען אַ גאָט צו טייטן און צו מאַכן לעבעדיק, אַז דערדאָזיקער שיקט צו מיר, צו היילן אַ מענטשן פון זיין צרעת? יאָ, מערקט נאָר, איך בעט אייך, און זעט, אַז אַן אויסרייד זוכט ער אַקעגן מיר.

⁸ און עס איז געווען, ווי אֱלִישָׁע דער געטלעכער מאַן האָט געהערט אַז דער מלך פון ישראל האָט צעריסן זיינע קליידער, האָט ער געשיקט צום מלך, אַזוי צו זאָגן: פאַרוואָס האָסטו צעריסן דיינע קליידער? זאָל ער אַקאַרשט קומען צו מיר, און ער וועט וויסן אַז עס איז דאָ אַ נביא אין ישראל.

⁹ איז נַעֲמָן געקומען מיט זיינע פערד און מיט זיינע רייטוועגן, און האָט זיך געשטעלט פאַר דעם איינגאַנג פון אֱלִישָׁעס הויז.

¹⁰ האָט אֱלִישָׁע געשיקט צו אים אַ שליח, אַזוי צו זאָגן: גיי, און זאָלסט זיך באָדן זיבן מאָל אין יַרדן, און דיין לייב וועט זיך אומקערן צו דיר, און וועסט ווערן ריין.

¹¹ האָט נַעֲמָן געצערנט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען, און האָט געזאָגט: זע, איך האָב געמיינט, אַרויסגיין וועט ער אַרויסגיין צו מיר, און וועט זיך אַוועקשטעלן, און וועט רופן צו דעם נאָמען פון יהוה זיין גאָט, און פאָכן מיט זיין האַנט אויף דעם אָרט, און אַוועקנעמען די צרעת.

¹² זיינען ניט אַמָנָה און פַּרפַּר, די טייכן פון דַמֶשֶׂק בעסער פון אַלע וואַסערן פון ישראל? קען איך זיך ניט באָדן אין זיי, און ווערן ריין? און ער האָט זיך אומגעקערט און איז אַוועקגעגאַנגען מיט גרימצאָרן.

¹³ האָבן זיינע קנעכט גענענט, און האָבן גערעדט צו אים און געזאָגט: מיין פאָטער, אַז דער נביא וואָלט דיר גע־הייסן אַ גרויסע זאַך, וואָלסטו דען ניט געטאָן? הייַנט ווי אַז ער זאָגט דיר נאָר: באָד זיך, און ווער ריין?

¹⁴ האָט ער אַראָפּגענידערט און זיך געטובלט אין יַרדן זיבן מאָל, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון דעם געטלעכן מאַן, און זיין לייב האָט זיך אומגעקערט אַזוי ווי דער לייב פון אַ קליין יינגל, און ער איז געוואָרן ריין.

¹⁵ האָט ער זיך אומגעקערט צום געטלעכן מאַן, ער מיט זיין גאַנצער מחנה, און ער איז געקומען און האָט זיך גע־שטעלט פאַר אים, און האָט געזאָגט: אָט אַצונד ווייס איך אַז ניטאָ קיין גאָט אויף דער גאַנצער ערד נאָר בלויז אין ישראל. און אַצונד, נעם אָן, איך בעט דיך, אַ מתנה פון דיין קנעכט. ¹⁶ האָט ער געזאָגט: אַזוי ווי עס לעבט יהוה וואָס איך שטיי פאַר אים, אויב איך וועל נעמען! און ער איז צוגעשטאַנען צו אים צו נעמען, אָבער ער האָט ניט געוואָלט.

¹⁷ האָט נַעֲמָן געזאָגט: אויב דאָס ניט, זאָל, איך בעט דיך, געגעבן ווערן דיין קנעכט ערד, די משא פון צוויי מויל־אייזלען; וואָרום דיין קנעכט וועט מער ניט מאַכן בראַנדאָפּפער אָדער שלאַכטאָפּפער צו אַנדערע געטער נאָר בלויז צו יהוה. ¹⁸ פאַר דערדאָזיקער זאַך זאָל יהוה פאַרגעבן דיין קנעכט: ווען מיין האַר קומט אין הויז פון רִמוֹן זיך דאָרטן צו בוקן, און ער איז אָנגעלענט אויף מיין האַנט, און איך וועל זיך בוקן אין הויז פון רִמוֹן, ווען איך מוז זיך בוקן

הַסֵּפֶר הַזֶּה אֵלֶיךָ הִנֵּה שָׁלַחְתִּי אֵלֶיךָ אֶת־נַעֲמָן עַבְדִּי
ז וַאֲסַפְתּוֹ מִצָּרַעְתּוֹ׃ וַיְהִי כִּקְרֹא מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶת־הַסֵּפֶר
וַיִּקְרַע בְּגָדָיו וַיֹּאמֶר הַאֱלֹהִים אָנִי לְהָמִית וּלְהַחֲיוֹת
כִּי־זֶה שֹׁלֵחַ אֵלַי לֶאֱסֹף אִישׁ מִצָּרַעְתּוֹ כִּי אַךְ־דְּעוּ־נָא
ח וּרְאוּ כִּי־מִתְאַנֶּה הוּא לִי׃ וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ ׀ אֱלִישָׁע אִישׁ־
הָאֱלֹהִים כִּי־קָרַע מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶת־בְּגָדָיו וַיִּשְׁלַח אֶל־
הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר לָמָּה קָרַעְתָּ בְּגָדֶיךָ יָבֹא־נָא אֵלַי וְיֵדַע כִּי
ט יֵשׁ נָבִיא בְּיִשְׂרָאֵל׃ וַיָּבֹא נַעֲמָן בְּסוּסָו וּבְרִכְבּוֹ וַיַּעֲמֹד
י פֶּתַח־הַבַּיִת לֶאֱלִישָׁע׃ וַיִּשְׁלַח אֵלָיו אֱלִישָׁע מַלְאָךְ לֵאמֹר
הָלוֹךְ וְרָחַצְתָּ שֶׁבַע־פְּעָמִים בַּיַּרְדֵּן וְיָשֹׁב בְּשָׂרְךָ לְךָ וּטְהָר׃
יא וַיִּקְצֹף נַעֲמָן וַיֵּלַךְ וַיֹּאמֶר הִנֵּה אָמַרְתִּי אֵלַי ׀ יֵצֵא יָצוֹא
וְעָמַד וְקָרָא בְּשֵׁם־יְהוָה אֱלֹהָיו וְהֵנִיף יָדוֹ אֶל־הַמָּקוֹם
יב וְאָסַף הַמְּצֹרָע׃ הֲלֹא טוֹב אֲבָנָה וּפַרְפַּר נַהֲרוֹת דַּמֶּשֶׂק
מִכֹּל מֵימֵי יִשְׂרָאֵל הֲלֹא־אֶרְחַץ בָּהֶם וְטָהָרְתִּי וַיִּפֶן
יג וַיֵּלֶךְ בְּחֵמָה׃ וַיִּגְּשׁוּ עֲבָדָיו וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו וַיֹּאמְרוּ אָבִי
דָּבָר גָּדוֹל הַנָּבִיא דִּבֶּר אֵלֶיךָ הֲלוֹא תַעֲשֶׂה וְאַף כִּי־אָמַר
יד אֵלֶיךָ רְחַץ וּטְהָר׃ וַיֵּרֶד וַיִּטְבֹּל בַּיַּרְדֵּן שֶׁבַע פְּעָמִים
כִּדְבַר אִישׁ הָאֱלֹהִים וַיָּשָׁב בְּשָׂרוֹ כִּבְשַׂר נַעַר קָטֹן וַיִּטְהָר׃
טו וַיָּשָׁב אֶל־אִישׁ הָאֱלֹהִים הוּא וְכָל־מַחֲנֵהוּ וַיָּבֹא וַיַּעֲמֹד
לְפָנָיו וַיֹּאמֶר הִנֵּה־נָא יָדַעְתִּי כִּי אֵין אֱלֹהִים בְּכָל־הָאָרֶץ
טז כִּי אִם־בְּיִשְׂרָאֵל וְעַתָּה קַח־נָא בְרָכָה מֵאֵת עַבְדֶּךָ׃ וַיֹּאמֶר
חַי־יְהוָה אֲשֶׁר־עָמַדְתִּי לְפָנָיו אִם־אֶקָּח וַיִּפְצַר־בּוֹ לָקַחַת
יז וַיְמָאֵן׃ וַיֹּאמֶר נַעֲמָן וָלֹא יֻתַּן־נָא לְעַבְדְּךָ מַשָּׂא צֶמֶד־
פְּרָדִים אֲדָמָה כִּי לוֹא־יַעֲשֶׂה עוֹד עַבְדְּךָ עֹלָה וָזֶבַח
יח לֵאלֹהִים אֲחֵרִים כִּי אִם־לַיהוָה׃ לַדָּבָר הַזֶּה יִסְלַח
יְהוָה לְעַבְדֶּךָ בְּבוֹא אֲדֹנִי בֵית־רִמּוֹן לְהִשְׁתַּחֲוֹת שָׁמָּה
וְהוּא ׀ נִשְׁעָן עַל־יָדִי וְהִשְׁתַּחֲוֵיתִי בֵּית רִמֹּן בְּהִשְׁתַּחֲוָיָתִי

ט׳ בסוסו ק  יב׳ אמנה ק

בֵּית רִמֹּן יִסְלַח־נָא יְהוָה לְעַבְדְּךָ בַּדָּבָר הַזֶּה׃ וַיֹּאמֶר יט
לוֹ לֵךְ לְשָׁלוֹם וַיֵּלֶךְ מֵאִתּוֹ כִּבְרַת אָרֶץ׃ ס וַיֹּאמֶר גֵּיחֲזִי כ
נַעַר אֱלִישָׁע אִישׁ־הָאֱלֹהִים הִנֵּה ׀ חָשַׂךְ אֲדֹנִי אֶת־נַעֲמָן
הָאֲרַמִּי הַזֶּה מִקַּחַת מִיָּדוֹ אֵת אֲשֶׁר־הֵבִיא חַי־יְהוָה כִּי־
אִם־רַצְתִּי אַחֲרָיו וְלָקַחְתִּי מֵאִתּוֹ מְאוּמָה׃ וַיִּרְדֹּף גֵּיחֲזִי כא
אַחֲרֵי נַעֲמָן וַיִּרְאֶה נַעֲמָן רָץ אַחֲרָיו וַיִּפֹּל מֵעַל הַמֶּרְכָּבָה
לִקְרָאתוֹ וַיֹּאמֶר הֲשָׁלוֹם׃ וַיֹּאמֶר ׀ שָׁלוֹם אֲדֹנִי שְׁלָחַנִי כב
לֵאמֹר הִנֵּה עַתָּה זֶה בָּאוּ אֵלַי שְׁנֵי־נְעָרִים מֵהַר אֶפְרַיִם
מִבְּנֵי הַנְּבִיאִים תְּנָה־נָּא לָהֶם כִּכַּר־כֶּסֶף וּשְׁתֵּי חֲלִפוֹת
בְּגָדִים׃ וַיֹּאמֶר נַעֲמָן הוֹאֵל קַח כִּכָּרָיִם וַיִּפְרָץ־בּוֹ וַיָּצַר כג
כִּכְּרַיִם כֶּסֶף בִּשְׁנֵי חֲרִטִים וּשְׁתֵּי חֲלִפוֹת בְּגָדִים וַיִּתֵּן אֶל־
שְׁנֵי נְעָרָיו וַיִּשְׂאוּ לְפָנָיו׃ וַיָּבֹא אֶל־הָעֹפֶל וַיִּקַּח מִיָּדָם כד
וַיִּפְקֹד בַּבָּיִת וַיְשַׁלַּח אֶת־הָאֲנָשִׁים וַיֵּלֵכוּ׃ וְהוּא־בָא וַיַּעֲמֹד כה
אֶל־אֲדֹנָיו וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֱלִישָׁע מֵאַן גֵּחֲזִי וַיֹּאמֶר לֹא־הָלַךְ
עַבְדְּךָ אָנֶה וָאָנָה׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו לֹא־לִבִּי הָלַךְ כַּאֲשֶׁר כו
הָפַךְ־אִישׁ מֵעַל מֶרְכַּבְתּוֹ לִקְרָאתֶךָ הַעֵת לָקַחַת אֶת־
הַכֶּסֶף וְלָקַחַת בְּגָדִים וְזֵיתִים וּכְרָמִים וְצֹאן וּבָקָר וַעֲבָדִים
וּשְׁפָחוֹת׃ וְצָרַעַת נַעֲמָן תִּדְבַּק־בְּךָ וּבְזַרְעֲךָ לְעוֹלָם וַיֵּצֵא כז
מִלְּפָנָיו מְצֹרָע כַּשָּׁלֶג׃

ו

וַיֹּאמְרוּ בְנֵי־הַנְּבִיאִים אֶל־אֱלִישָׁע הִנֵּה־נָא הַמָּקוֹם אֲשֶׁר א
אֲנַחְנוּ יֹשְׁבִים שָׁם לְפָנֶיךָ צַר מִמֶּנּוּ׃ נֵלְכָה־נָּא עַד־הַיַּרְדֵּן ב
וְנִקְחָה מִשָּׁם אִישׁ קוֹרָה אֶחָת וְנַעֲשֶׂה־לָּנוּ שָׁם מָקוֹם
לָשֶׁבֶת שָׁם וַיֹּאמֶר לֵכוּ׃ וַיֹּאמֶר הָאֶחָד הוֹאֶל נָא וְלֵךְ ג
אֶת־עֲבָדֶיךָ וַיֹּאמֶר אֲנִי אֵלֵךְ׃ וַיֵּלֶךְ אִתָּם וַיָּבֹאוּ הַיַּרְדֵּנָה ד
וַיִּגְזְרוּ הָעֵצִים׃ וַיְהִי הָאֶחָד מַפִּיל הַקּוֹרָה וְאֶת־הַבַּרְזֶל ה
נָפַל אֶל־הַמָּיִם וַיִּצְעַק וַיֹּאמֶר אֲהָהּ אֲדֹנִי וְהוּא שָׁאוּל׃

ה, יח׳ כתיב ולא ק   יט׳ עד כאן   כ׳ ר״א ממה   כה׳ מאין ק

אין הויז פון רמון, זאָל יהוה פאַרגעבן דיין קנעכט אין דעררדאָזיקער זאַך. [19] האָט ער צו אים געזאָגט: גיי בשלום. און ער איז אַוועקגעגאַנגען פון אים אַ שטרעק לאַנד.

[20] און גיחזי, דער יונג פון אֱלישע דעם געטלעכן מאַן, האָט געזאָגט: אָט האָט מיין האַר אָפּגעזאָגט דעם־דאָזיקן נַעֲמָן דעם אַרַמי, אָנצונעמען פון זיין האַנט דאָס וואָס ער האָט געבראַכט. אַזוי ווי גאָט לעבט, אַז איך מוז אים נאָכלויפן, און נעמען פון אים עפּעס!

[21] און גיחזי האָט נאָכגעיאָגט נַעֲמָנען; און ווי נַעֲמָן האָט געזען עמיצן לויפן נאָך אים, אַזוי איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון רייטוואָגן אים אַנטקעגן, און האָט געזאָגט: איז פריד? [22] האָט ער געזאָגט: פריד. מיין האַר האָט מיך געשיקט אַזוי צו זאָגן: אָט אַקאָרשט אַצונד זיינען געקומען צו מיר צוויי יונגעלייט פון דעם געבערג פון אפרים, פון די יונגע נביאים. גיב פאַר זיי, איך בעט דיך, אַ צענטנער זילבער און צוויי גאַנג קליידער. [23] האָט נַעֲמָן געזאָגט: באַוויליק, נעם צוויי צענטנער. און ער איז צוגעשטאַנען צו אים, און האָט איינגעבונדן צוויי צענטנער זילבער אין צוויי זעקלעך, און צוויי גאַנג קליידער, און געגעבן צו צוויי פון זיינע יונגען, און זיי האָבן עס געטראָגן אים פאַרויס. [24] און ווי ער איז געקומען צום בערגל, אַזוי האָט ער עס צוגענומען פון זייער האַנט, און באַהאַלטן אין הויז; און ער האָט אַוועקגעשיקט די מענטשן, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען.

[25] און ער איז געקומען און האָט זיך געשטעלט פאַר זיין האַר. האָט אֱלישע צו אים געזאָגט: פון וואַנען, גיחזי? האָט ער געזאָגט: דיין קנעכט איז אין ערגעץ ניט געגאַנגען. [26] האָט ער צו אים געזאָגט: איז ניט מיין האַרץ מיטגעגאַנגען ווען אַ מאַן האָט זיך אומגעדרייט פון זיין רייטוואָגן דיר אַנטקעגן? איז דאָס אַ צייט צו נעמען זילבער, און נעמען קליידער, אָדער איילבערטגערטנער און וויינגערטנער, אָדער שאָף און רינדער, אָדער קנעכט און דינסטן? [27] דרום זאָל נַעֲמָנס צרעת זיך באַהעפטן אָן דיר און אָן דיין זאָמען אויף אייביק.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר אים מצורע [ווייס] ווי שניי.

ו

[1] און די יונגע נביאים האָבן געזאָגט צו אֱלישען: זע נאָר, דער אָרט וווּ מיר זיצן פאַר דיר איז צו ענג פאַר אונדז. [2] לאָמיר גיין ביזן ירדן, און לאָמיר נעמען פון דאָרטן איטלעכער פון אונדז איין קלאָץ, און לאָמיר אונדז דאָרטן מאַכן אַן אָרט צו וווינען דאָרטן. האָט ער געזאָגט: גייט. [3] האָט איינער געזאָגט: באַוויליק, איך בעט דיך, און גיי מיט דיינע קנעכט. האָט ער געזאָגט: איך וועל גיין.

[4] איז ער געגאַנגען מיט זיי, און זיי זיינען געקומען צום ירדן, און זיי האָבן אָפּגעהאַקט די ביימער. [5] און עס איז געווען, ווי איינער וואַרפט אום אַ קלאָץ, אַזוי איז דער אייזן אַריינגעפאַלן אין וואַסער, און ער האָט אויסגעשריען און

גזואָגט: ווי, מיין האַר, וואָרום ער איז אַ געליִענער. 6 האָט דער געטלעכער מאַן גזואָגט: ווו איז ער אַריינגע־פאַלן? האָט ער אים געוויזן דעם אָרט, און ער האָט אָפּגע־שניטן אַ העלצל, און האָט עס אַהין אַריינגעוואָרפן, און דער אַייזן איז אַרויפגעשווומען. 7 און ער האָט גזואָגט: הייב דיר אים אַרויס; האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און האָט אים אַרויסגענומען.

8 און דער מלך פון אַרם האָט געהאַלטן מלחמה אויף ישׂראל, און ער האָט אָפּגערעדט מיט זיינע קנעכט, אַזוי צו זאָגן: אין יענעם און יענעם אָרט וועט זיין מיין לאַגערונג.

9 האָט דער געטלעכער מאַן געשיקט צו דעם מלך פון ישׂראל, אַזוי צו זאָגן: היט זיך פאַרבייצוגיין דעם־דאָזיקן אָרט, וואָרום אַהין לאָזן זיך אַראָפּ די אַרמים. 10 און דער מלך פון ישׂראל האָט געשיקט צו דעם אָרט וואָס דער געטלעכער מאַן האָט אים גזואָגט און אים גע־וואָרנט; און ער האָט זיך דאָרטן אויסגעהיט ניט איין מאָל און ניט צוויי מאָל.

11 איז אויפגערודערט געוואָרן דאָס האַרץ פון דעם מלך פון אַרם איבער דער־דאָזיקער זאַך, און ער האָט גערופן זיינע קנעכט, און האָט צו זיי גזואָגט: קענט איר מיר ניט זאָגן, ווער פון אונדזערע איז מיט דעם מלך פון ישׂראל? 12 האָט איינער פון זיינע קנעכט גזואָגט: ניין, מיין האַר מלך; נייערט אֶלישָע דער נביא וואָס אין ישׂראל דערציילט דעם מלך פון ישׂראל די רייד וואָס דו רעדסט אין דיין שלאָפקאַמער. 13 האָט ער גזואָגט: גייט און זעט ווו ער איז, און איך וועל שיקן און וועל אים נעמען.

איז אים אָנגעזאָגט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן: ער איז אין דותן. 14 און ער האָט געשיקט אַהין פערד און רייטוועגן און אַ גרויסן חיל, און זיי זיינען געקומען ביי נאַכט, און האָבן אַרומגערינגלט די שטאָט. 15 און דער משרת פון דעם געט־לעכן מאַן האָט זיך געפעדערט אויפצושטיין, און ער איז אַרויסגעגאַנגען, ערשט אַ חיל רינגלט אַרום די שטאָט, מיט פערד און רייטוועגן. האָט זיין יונג צו אים גזואָגט: ווי, מיין האַר, וואָס זאָלן מיר טאָן? 16 האָט ער גזואָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן; וואָרום די וואָס מיט אונדז זיינען מער ווי די וואָס מיט זיי.

17 און אֶלישָע האָט מתפלל געווען און האָט גזואָגט: גאָט, עפן, איך בעט דיך, זיינע אויגן, און זאָל ער זען. האָט גאָט געעפנט די אויגן פון דעם יונג, און ער האָט געזען, ערשט דער באַרג איז פול מיט פערד און רייטוועגן פייערדיקע רונד אַרום אֶלישָען.

18 און ווי זיי האָבן אַראָפּגענידערט צו אים, אַזוי האָט אֶלישָע מתפלל געווען צו גאָט, און האָט גזואָגט: שלאָג, איך בעט דיך, דאָסדאָזיקע פאָלק מיט בלינדקייט. האָט ער זיי געשלאָגן מיט בלינדקייט, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון אֶלישָען. 19 און אֶלישָע האָט צו זיי גזואָגט: ניט דאָס איז דער וועג, און ניט דאָס איז די שטאָט. גייט מיר נאָך, און איך וועל אַייך פירן צו דעם מאַן וואָס איר זוכט. און ער האָט זיי אַוועקגעפירט קיין שומרון.

20 און עס איז געווען, ווי זיי זיינען געקומען קיין שומרון, אַזוי האָט אֶלישָע גזואָגט: גאָט, עפן די אויגן פון די־דאָזיקע, זיי זאָלן זען. האָט גאָט געעפנט זייערע אויגן, און זיי האָבן געזען, ערשט זיי זיינען אין מיטן שומרון.

ו וַיֹּאמֶר אִישׁ־הָאֱלֹהִים אָנָה נָפָל וַיַּרְאֵהוּ אֶת־הַמָּקוֹם
ז וַיִּקְצָב־עֵץ וַיַּשְׁלֶךְ־שָׁמָּה וַיָּצֶף הַבַּרְזֶל׃ וַיֹּאמֶר הָרֶם לָךְ
ח וַיִּשְׁלַח יָדוֹ וַיִּקָּחֵהוּ׃ וּמֶלֶךְ אֲרָם הָיָה נִלְחָם בְּיִשְׂרָאֵל
וַיִּוָּעַץ אֶל־עֲבָדָיו לֵאמֹר אֶל־מְקוֹם פְּלֹנִי אַלְמֹנִי תַּחֲנֹתִי׃
ט וַיִּשְׁלַח אִישׁ הָאֱלֹהִים אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר הִשָּׁמֶר
י מֵעֲבֹר הַמָּקוֹם הַזֶּה כִּי־שָׁם אֲרָם נְחִתִּים׃ וַיִּשְׁלַח מֶלֶךְ
יִשְׂרָאֵל אֶל־הַמָּקוֹם אֲשֶׁר אָמַר־לוֹ אִישׁ־הָאֱלֹהִים וְהִזְהִירֹה
יא וְנִשְׁמַר־שָׁם לֹא אַחַת וְלֹא שְׁתָּיִם׃ וַיִּסָּעֵר לֵב מֶלֶךְ־אֲרָם
עַל־הַדָּבָר הַזֶּה וַיִּקְרָא אֶל־עֲבָדָיו וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם הֲלוֹא
יב תַּגִּידוּ לִי מִי מִשֶּׁלָּנוּ אֶל־מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ וַיֹּאמֶר אַחַד
מֵעֲבָדָיו לוֹא אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ כִּי־אֱלִישָׁע הַנָּבִיא אֲשֶׁר
בְּיִשְׂרָאֵל יַגִּיד לְמֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אֶת־הַדְּבָרִים אֲשֶׁר תְּדַבֵּר
יג בַּחֲדַר מִשְׁכָּבֶךָ׃ וַיֹּאמֶר לְכוּ וּרְאוּ אֵיכֹה הוּא וְאֶשְׁלַח
יד וְאֶקָּחֵהוּ וַיֻּגַּד־לוֹ לֵאמֹר הִנֵּה בְדֹתָן׃ וַיִּשְׁלַח שָׁמָּה סוּסִים
טו וְרֶכֶב וְחַיִל כָּבֵד וַיָּבֹאוּ לַיְלָה וַיַּקִּפוּ עַל־הָעִיר׃ וַיַּשְׁכֵּם
מְשָׁרֵת אִישׁ הָאֱלֹהִים לָקוּם וַיֵּצֵא וְהִנֵּה־חַיִל סוֹבֵב אֶת־
הָעִיר וְסוּס וָרָכֶב וַיֹּאמֶר נַעֲרוֹ אֵלָיו אֲהָהּ אֲדֹנִי אֵיכָה
טז נַעֲשֶׂה׃ וַיֹּאמֶר אַל־תִּירָא כִּי רַבִּים אֲשֶׁר אִתָּנוּ מֵאֲשֶׁר
יז אוֹתָם׃ וַיִּתְפַּלֵּל אֱלִישָׁע וַיֹּאמַר יְהוָה פְּקַח־נָא אֶת־עֵינָיו
וְיִרְאֶה וַיִּפְקַח יְהוָה אֶת־עֵינֵי הַנַּעַר וַיַּרְא וְהִנֵּה הָהָר מָלֵא
יח סוּסִים וְרֶכֶב אֵשׁ סְבִיבֹת אֱלִישָׁע׃ וַיֵּרְדוּ אֵלָיו וַיִּתְפַּלֵּל
אֱלִישָׁע אֶל־יְהוָה וַיֹּאמַר הַךְ־נָא אֶת־הַגּוֹי־הַזֶּה בַּסַּנְוֵרִים
יט וַיַּכֵּם בַּסַּנְוֵרִים כִּדְבַר אֱלִישָׁע׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אֱלִישָׁע
לֹא־זֶה הַדֶּרֶךְ וְלֹא־זֹה הָעִיר לְכוּ אַחֲרַי וְאוֹלִיכָה אֶתְכֶם
כ אֶל־הָאִישׁ אֲשֶׁר תְּבַקֵּשׁוּן וַיֹּלֶךְ אוֹתָם שֹׁמְרוֹנָה׃ וַיְהִי
כְּבֹאָם שֹׁמְרוֹן וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע יְהוָה פְּקַח אֶת־עֵינֵי־אֵלֶּה
וְיִרְאוּ וַיִּפְקַח יְהוָה אֶת־עֵינֵיהֶם וַיִּרְאוּ וְהִנֵּה בְּתוֹךְ שֹׁמְרוֹן׃

---

י׳ והזהירו קרי

כא וַיֹּאמֶר מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶל־אֱלִישָׁע כִּרְאֹתוֹ אוֹתָם הַאַכֶּה
כב אַכֶּה אָבִי׃ וַיֹּאמֶר לֹא תַכֶּה הַאֲשֶׁר שָׁבִיתָ בְּחַרְבְּךָ
וּבְקַשְׁתְּךָ אַתָּה מַכֶּה שִׂים לֶחֶם וָמַיִם לִפְנֵיהֶם וְיֹאכְלוּ
כג וְיִשְׁתּוּ וְיֵלְכוּ אֶל־אֲדֹנֵיהֶם׃ וַיִּכְרֶה לָהֶם כֵּרָה גְדוֹלָה
וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ וַיְשַׁלְּחֵם וַיֵּלְכוּ אֶל־אֲדֹנֵיהֶם וְלֹא־יָסְפוּ עוֹד
כד גְּדוּדֵי אֲרָם לָבוֹא בְּאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל׃ וַיְהִי אַחֲרֵי־כֵן
וַיִּקְבֹּץ בֶּן־הֲדַד מֶלֶךְ־אֲרָם אֶת־כָּל־מַחֲנֵהוּ וַיַּעַל וַיָּצַר עַל־
כה שֹׁמְרוֹן׃ וַיְהִי רָעָב גָּדוֹל בְּשֹׁמְרוֹן וְהִנֵּה צָרִים עָלֶיהָ עַד
הֱיוֹת רֹאשׁ־חֲמוֹר בִּשְׁמֹנִים כֶּסֶף וְרֹבַע הַקַּב חרייונים
כו בַּחֲמִשָּׁה כָסֶף׃ וַיְהִי מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל עֹבֵר עַל־הַחֹמָה וְאִשָּׁה
כז צָעֲקָה אֵלָיו לֵאמֹר הוֹשִׁיעָה אֲדֹנִי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר אַל־
כח יוֹשִׁעֵךְ יְהוָה מֵאַיִן אוֹשִׁיעֵךְ הֲמִן־הַגֹּרֶן אוֹ מִן־הַיָּקֶב׃ וַיֹּאמֶר־
לָהּ הַמֶּלֶךְ מַה־לָּךְ וַתֹּאמֶר הָאִשָּׁה הַזֹּאת אָמְרָה אֵלַי תְּנִי
כט אֶת־בְּנֵךְ וְנֹאכְלֶנּוּ הַיּוֹם וְאֶת־בְּנִי נֹאכַל מָחָר׃ וַנְּבַשֵּׁל
אֶת־בְּנִי וַנֹּאכְלֵהוּ וָאֹמַר אֵלֶיהָ בַּיּוֹם הָאַחֵר תְּנִי אֶת־בְּנֵךְ
ל וְנֹאכְלֶנּוּ וַתַּחְבִּא אֶת־בְּנָהּ׃ וַיְהִי כִשְׁמֹעַ הַמֶּלֶךְ אֶת־דִּבְרֵי
הָאִשָּׁה וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו וְהוּא עֹבֵר עַל־הַחֹמָה וַיַּרְא
לא הָעָם וְהִנֵּה הַשַּׂק עַל־בְּשָׂרוֹ מִבָּיִת׃ וַיֹּאמֶר כֹּה־יַעֲשֶׂה־
לִּי אֱלֹהִים וְכֹה יוֹסִף אִם־יַעֲמֹד רֹאשׁ אֱלִישָׁע בֶּן־שָׁפָט
לב עָלָיו הַיּוֹם׃ וֶאֱלִישָׁע יֹשֵׁב בְּבֵיתוֹ וְהַזְּקֵנִים יֹשְׁבִים אִתּוֹ
וַיִּשְׁלַח אִישׁ מִלְּפָנָיו בְּטֶרֶם יָבֹא הַמַּלְאָךְ אֵלָיו וְהוּא ׀
אָמַר אֶל־הַזְּקֵנִים הַרְּאִיתֶם כִּי־שָׁלַח בֶּן־הַמְרַצֵּחַ הַזֶּה
לְהָסִיר אֶת־רֹאשִׁי רְאוּ ׀ כְּבֹא הַמַּלְאָךְ סִגְרוּ הַדֶּלֶת
לג וּלְחַצְתֶּם אֹתוֹ בַּדֶּלֶת הֲלוֹא קוֹל רַגְלֵי אֲדֹנָיו אַחֲרָיו׃ עוֹדֶנּוּ
מְדַבֵּר עִמָּם וְהִנֵּה הַמַּלְאָךְ יֹרֵד אֵלָיו וַיֹּאמֶר הִנֵּה־זֹאת
הָרָעָה מֵאֵת יְהוָה מָה־אוֹחִיל לַיהוָה עוֹד׃

כה׳ דביונים ק   לב׳ הרי דגושה

[21] און דער מלך פון ישראל האָט געזאָגט צו אֱלִישָׁען, ווען ער האָט זיי געזען: זאָל איך דערשלאָגן? זאָל איך דערשלאָגן, מיין פאָטער? [22] האָט ער געזאָגט: זאָלסט ניט דערשלאָגן. צי די וואָס דו האָסט געפאַנגען מיט דיין שווערד און מיט דיין בויגן דערשלאָגסט דו דאָס? שטעל פאַר זיי ברויט און וואַסער, און זאָלן זיי עסן און טרינקען, און גיין צו זייער האַר.

[23] האָט ער זיי געמאַכט אַ גרויסן מאָלצייט, און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען, און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט, און זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען צו זייער האַר.

און די באַנדעס פון אַרָם זיינען מער ווידער ניט געקומען אין לאַנד פון ישראל.

[24] און עס איז געווען נאָך דעם, האָט בֶּן־הֲדַד דער מלך פון אַרָם איינגעזאַמלט זיין גאַנצן חיל, און ער איז אַרויפגעגאַנגען און האָט געלעגערט אויף שומרון. [25] און עס איז געוואָרן אַ גרויסער הונגער אין שומרון, בעת־אָט זיי האָבן געלעגערט אויף איר, ביז אַ קאָפּ פון אַן אייזל איז געווען אַכציק זילבערשטיק, און אַ פערטל קַב טויבן־מיסט פינף זילבערשטיק. [26] און עס איז געווען, ווי דער מלך פון ישראל איז פאַרבייגעגאַנגען אויף דער מויער, האָט אַ פרוי געשריען צו אים, אַזוי צו זאָגן: העלף, מיין האַר מלך. [27] האָט ער געזאָגט: אַז גאָט העלפט דיר ניט, פון וואַנען זאָל איך דיר העלפן? פון שייער צי פון קעלטער? [28] און דער מלך האָט צו איר געזאָגט: וואָס איז דיר? האָט זי געזאָגט: דידאָזיקע פרוי האָט צו מיר געזאָגט: גיב אַהער דיין זון, און מיר וועלן אים היינט אויפעסן, און מיין זון וועלן מיר אויפעסן מאָרגן. [29] האָבן מיר אָפּגעקאָכט מיין זון, און מיר האָבן אים אויפגעגעסן; און אַז איך האָב צו איר געזאָגט אויפן אַנדערן טאָג: גיב אַהער דיין זון, און מיר וועלן אים אויפעסן, האָט זי באַהאַלטן איר זון.

[30] און עס איז געווען, ווי דער מלך האָט געהערט די ווערטער פון דער פרוי, אַזוי האָט ער צעריסן זיינע קליידער, בעת ער איז פאַרבייגעגאַנגען אויף דער מויער, און דאָס פאָלק האָט געזען, ערשט זאַק איז אויף זיין לייב פון אונטן. [31] און ער האָט געזאָגט: זאָל מיר גאָט טאָן אַזוי און נאָך מער, אויב דער קאָפּ פון אֱלִישָׁע דעם זון פון שָׁפָטן וועט בלייבן אויף אים היינט!

[32] און אֱלִישָׁע איז געזעסן אין זיין הויז, און די עלטסטע זיינען געזעסן מיט אים. און [דער מלך] האָט געשיקט פון זיך אַ מאַן. אָבער איידער דער שליח איז אָנגעקומען צו אים, האָט ער געזאָגט צו די עלטסטע: איר זעט ווי דערדאָזיקער זון פון דעם רוצח שיקט אַראָפּצונעמען מיין קאָפּ? זעט, ווי דער שליח קומט, פאַרשליסט די טיר, און איר זאָלט זיך אָנשפּאַרן אָן דער טיר אַקעגן אים. פאַרוואָר, דער שאָרך פון זיין האַרס פיס איז הינטער אים.

[33] ווי ער רעדט נאָך מיט זיי, ערשט דער שליח נידערט אַראָפּ צו אים. און [דער מלך] האָט געזאָגט: זע, דאָס־דאָזיקע בייז איז פון גאָט; וואָס קען איך נאָך האָפן פון גאָט?

# ז

1 האָט אֶלישָע געזאָגט: הערט דאָס וואָרט פֿון גאָט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: מאָרגן אין דער צייט, וועט אַ סאָה זעמלמעל זיין פֿאַר אַ שֶקל, און צוויי סאָה גערשטן פֿאַר אַ שֶקל, אין דעם טויער פֿון שומרון.

2 האָט דער הויפּטמאַן וואָס דער מלך איז געווען אָנגעלענט אויף זיין האַנט, געענטפֿערט דעם געטלעכן מאַן, און האָט געזאָגט: אַפֿילו גאָט זאָל מאַכן פֿענצטער אין הימל, קען דען דיזאָזיקע זאַך געשען? האָט ער געזאָגט: אָט וועסטו זען מיט דיינע אויגן, אָבער עסן דערפֿון וועסטו ניט.

3 און פֿיר מענטשן מצוֹרָעים זיינען געווען ביים איינגאַנג פֿון טויער; האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן: וואָס זיצן מיר דאָ ביז מיר וועלן שטאַרבן? 4 זאָלן מיר זאָגן: מיר וועלן אַריינגיין אין שטאָט, איז דער הונגער אין שטאָט, און מיר וועלן דאָרטן שטאַרבן; און אויב מיר וועלן דאָ זיצן, וועלן מיר אויך שטאַרבן. דרום קומט אַצונד און לאָמיר צופֿאַלן צו דעם לאַגער פֿון אַרָם; אויב זיי וועלן אונדז לאָזן לעבן, וועלן מיר לעבן, און אויב זיי וועלן אונדז טייטן, וועלן מיר שטאַרבן.

5 זיינען זיי אויפֿגעשטאַנען אין אָוונט צו גיין צו דעם לאַגער פֿון אַרָם, און זיי זיינען געקומען צום עק לאַגער פֿון אַרָם, ערשט דאָרטן איז קיין מענטש ניטאָ. 6 וואָרום גאָט האָט געמאַכט הערן אין דעם לאַגער פֿון אַרָם אַ ליאַרעם פֿון רייטוועגן, און אַ ליאַרעם פֿון פֿערד, אַ ליאַרעם פֿון אַ גרויסן חיל, און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: זע, דער מלך פֿון ישׂראל האָט אָנגעדונגען אויף אונדז די מלכים פֿון די חִתּים, און די מלכים פֿון מִצרַיִם, צו קומען אויף אונדז. 7 און זיי זיינען אויפֿגעשטאַנען און זיינען אַנטלאָפֿן אין אָוונט, און האָבן איבערגעלאָזט זייערע געצעלטן, און זייערע פֿערד און זייערע אייזלען, דעם לאַגער אַזוי ווי ער איז, און זיינען אַנטלאָפֿן אום זייער לעבן.

8 און דיזאָזיקע מצוֹרָעים זיינען געקומען צום עק לאַגער, און זיינען אַריינגעגאַנגען אין איין געצעלט, און האָבן געגעסן און געטרונקען, און אַרויסגעטראָגן פֿון דאָרטן זילבער און גאָלד, און בגדים, און זיי זיינען געגאַנגען און האָבן באַהאַלטן; און זיי זיינען צוריקגעקומען און זיינען אַריינגעגאַנגען אין אַן אַנדער געצעלט, און האָבן אַרויסגעטראָגן פֿון דאָרטן, און זיינען געגאַנגען און האָבן באַהאַלטן. 9 און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: מיר טוען ניט רעכט; היינטיקער טאָג איז אַ טאָג פֿון בשׂורה, און מיר שווייגן. אַז מיר וועלן וואַרטן ביזן ליכט פֿון פֿרימאָרגן, וועט אונדז טרעפֿן אַ שטראָף. דרום קומט אַצונד, און לאָמיר אַריינגיין און דערציילן אין הויז פֿון מלך.

10 זיינען זיי געגאַנגען און האָבן גערופֿן צו די טויערלייט פֿון שטאָט, און זיי האָבן זיי דערציילט, אַזוי צו זאָגן: מיר זיינען געקומען אין לאַגער פֿון אַרָם, ערשט דאָרטן איז ניטאָ קיין מאַן און קיין קָול פֿון אַ מענטשן; נאָר די פֿערד זיינען צוגעבונדן, און די אייזלען זיינען צוגעבונדן, און די געצעלטן אַזוי ווי זיי זיינען געווען.

ז

א וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע שִׁמְעוּ דְּבַר־יְהוָה כֹּה ׀ אָמַר יְהוָה כָּעֵת ׀
מָחָר סְאָה־סֹלֶת בְּשֶׁקֶל וְסָאתַיִם שְׂעֹרִים בְּשֶׁקֶל בְּשַׁעַר
ב שֹׁמְרוֹן׃ וַיַּעַן הַשָּׁלִישׁ אֲשֶׁר־לַמֶּלֶךְ נִשְׁעָן עַל־יָדוֹ אֶת־אִישׁ
הָאֱלֹהִים וַיֹּאמַר הִנֵּה יְהוָה עֹשֶׂה אֲרֻבּוֹת בַּשָּׁמַיִם
הֲיִהְיֶה הַדָּבָר הַזֶּה וַיֹּאמֶר הִנְּכָה רֹאֶה בְּעֵינֶיךָ וּמִשָּׁם
ג לֹא תֹאכֵל׃ וְאַרְבָּעָה אֲנָשִׁים הָיוּ מְצֹרָעִים פֶּתַח
הַשָּׁעַר וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל־רֵעֵהוּ מָה אֲנַחְנוּ יֹשְׁבִים פֹּה
ד עַד־מָתְנוּ׃ אִם־אָמַרְנוּ נָבוֹא הָעִיר וְהָרָעָב בָּעִיר וָמַתְנוּ
שָׁם וְאִם־יָשַׁבְנוּ פֹה וָמָתְנוּ וְעַתָּה לְכוּ וְנִפְּלָה אֶל־מַחֲנֵה
ה אֲרָם אִם־יְחַיֻּנוּ נִחְיֶה וְאִם־יְמִיתֻנוּ וָמָתְנוּ׃ וַיָּקֻמוּ בַנֶּשֶׁף
לָבוֹא אֶל־מַחֲנֵה אֲרָם וַיָּבֹאוּ עַד־קְצֵה מַחֲנֵה אֲרָם וְהִנֵּה
ו אֵין־שָׁם אִישׁ׃ וַאדֹנָי הִשְׁמִיעַ ׀ אֶת־מַחֲנֵה אֲרָם קוֹל
רֶכֶב קוֹל סוּס קוֹל חַיִל גָּדוֹל וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל־אָחִיו
הִנֵּה שָׂכַר־עָלֵינוּ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל אֶת־מַלְכֵי הַחִתִּים וְאֶת־
ז מַלְכֵי מִצְרַיִם לָבוֹא עָלֵינוּ׃ וַיָּקוּמוּ וַיָּנוּסוּ בַנֶּשֶׁף וַיַּעַזְבוּ
אֶת־אָהֳלֵיהֶם וְאֶת־סוּסֵיהֶם וְאֶת־חֲמֹרֵיהֶם הַמַּחֲנֶה כַּאֲשֶׁר
ח הִיא וַיָּנֻסוּ אֶל־נַפְשָׁם׃ וַיָּבֹאוּ הַמְצֹרָעִים הָאֵלֶּה עַד־
קְצֵה הַמַּחֲנֶה וַיָּבֹאוּ אֶל־אֹהֶל אֶחָד וַיֹּאכְלוּ וַיִּשְׁתּוּ וַיִּשְׂאוּ
מִשָּׁם כֶּסֶף וְזָהָב וּבְגָדִים וַיֵּלְכוּ וַיַּטְמִנוּ וַיָּשֻׁבוּ וַיָּבֹאוּ
ט אֶל־אֹהֶל אַחֵר וַיִּשְׂאוּ מִשָּׁם וַיֵּלְכוּ וַיַּטְמִנוּ׃ וַיֹּאמְרוּ אִישׁ
אֶל־רֵעֵהוּ לֹא־כֵן ׀ אֲנַחְנוּ עֹשִׂים הַיּוֹם הַזֶּה יוֹם־בְּשֹׂרָה
הוּא וַאֲנַחְנוּ מַחְשִׁים וְחִכִּינוּ עַד־אוֹר הַבֹּקֶר וּמְצָאָנוּ
י עָווֹן וְעַתָּה לְכוּ וְנָבֹאָה וְנַגִּידָה בֵּית הַמֶּלֶךְ׃ וַיָּבֹאוּ
וַיִּקְרְאוּ אֶל־שֹׁעֵר הָעִיר וַיַּגִּידוּ לָהֶם לֵאמֹר בָּאנוּ אֶל־
מַחֲנֵה אֲרָם וְהִנֵּה אֵין־שָׁם אִישׁ וְקוֹל אָדָם כִּי אִם־
הַסּוּס אָסוּר וְהַחֲמוֹר אָסוּר וְאֹהָלִים כַּאֲשֶׁר הֵמָּה׃

ב׳ כא המלך   ג׳ הפטרת מצורע

יא וַיִּקְרָא הַשֹּׁעֲרִים וַיַּגִּידוּ בֵּית הַמֶּלֶךְ פְּנִימָה׃ וַיָּקָם הַמֶּלֶךְ
יב לַיְלָה וַיֹּאמֶר אֶל־עֲבָדָיו אַגִּידָה־נָּא לָכֶם אֵת אֲשֶׁר־עָשׂוּ
לָנוּ אֲרָם יָדְעוּ כִּי־רְעֵבִים אֲנַחְנוּ וַיֵּצְאוּ מִן־הַמַּחֲנֶה
לְהֵחָבֵה בַהַשָּׂדֶה לֵאמֹר כִּי־יֵצְאוּ מִן־הָעִיר וְנִתְפְּשֵׂם
יג חַיִּים וְאֶל־הָעִיר נָבֹא׃ וַיַּעַן אֶחָד מֵעֲבָדָיו וַיֹּאמֶר וְיִקְחוּ־
נָא חֲמִשָּׁה מִן־הַסּוּסִים הַנִּשְׁאָרִים אֲשֶׁר נִשְׁאֲרוּ־בָהּ
הִנָּם כְּכָל־הֶהָמוֹן יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר נִשְׁאֲרוּ־בָהּ הִנָּם כְּכָל־
יד הֲמוֹן יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר־תָּמּוּ וְנִשְׁלְחָה וְנִרְאֶה׃ וַיִּקְחוּ שְׁנֵי
רֶכֶב סוּסִים וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ אַחֲרֵי מַחֲנֵה־אֲרָם לֵאמֹר
טו לְכוּ וּרְאוּ׃ וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵיהֶם עַד־הַיַּרְדֵּן וְהִנֵּה כָל־הַדֶּרֶךְ
מְלֵאָה בְגָדִים וְכֵלִים אֲשֶׁר־הִשְׁלִיכוּ אֲרָם בְּהֶחָפְזָם וַיָּשֻׁבוּ
טז הַמַּלְאָכִים וַיַּגִּדוּ לַמֶּלֶךְ׃ וַיֵּצֵא הָעָם וַיָּבֹזּוּ אֵת מַחֲנֵה
אֲרָם וַיְהִי סְאָה־סֹלֶת בְּשֶׁקֶל וְסָאתַיִם שְׂעֹרִים בְּשֶׁקֶל
יז כִּדְבַר יְהוָה׃ וְהַמֶּלֶךְ הִפְקִיד אֶת־הַשָּׁלִישׁ אֲשֶׁר נִשְׁעָן
עַל־יָדוֹ עַל־הַשַּׁעַר וַיִּרְמְסֻהוּ הָעָם בַּשַּׁעַר וַיָּמֹת כַּאֲשֶׁר
יח דִּבֶּר אִישׁ הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּרֶדֶת הַמֶּלֶךְ אֵלָיו׃ וַיְהִי
כְּדַבֵּר אִישׁ הָאֱלֹהִים אֶל־הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר סָאתַיִם שְׂעֹרִים
בְּשֶׁקֶל וּסְאָה־סֹלֶת בְּשֶׁקֶל יִהְיֶה כָּעֵת מָחָר בְּשַׁעַר
יט שֹׁמְרוֹן׃ וַיַּעַן הַשָּׁלִישׁ אֶת־אִישׁ הָאֱלֹהִים וַיֹּאמַר וְהִנֵּה
יְהוָה עֹשֶׂה אֲרֻבּוֹת בַּשָּׁמַיִם הֲיִהְיֶה כַּדָּבָר הַזֶּה וַיֹּאמֶר
כ הִנְּךָ רֹאֶה בְּעֵינֶיךָ וּמִשָּׁם לֹא תֹאכֵל׃ וַיְהִי־לוֹ כֵּן וַיִּרְמְסוּ
אֹתוֹ הָעָם בַּשַּׁעַר וַיָּמֹת׃ *

ח

א וֶאֱלִישָׁע דִּבֶּר אֶל־הָאִשָּׁה אֲשֶׁר־הֶחֱיָה אֶת־בְּנָהּ לֵאמֹר
קוּמִי וּלְכִי אַתְּי וּבֵיתֵךְ וְגוּרִי בַּאֲשֶׁר תָּגוּרִי כִּי־קָרָא יְהוָה
ב לָרָעָב וְגַם־בָּא אֶל־הָאָרֶץ שֶׁבַע שָׁנִים׃ וַתָּקָם הָאִשָּׁה
וַתַּעַשׂ כִּדְבַר אִישׁ הָאֱלֹהִים וַתֵּלֶךְ הִיא וּבֵיתָהּ וַתָּגָר

ז, יא׳ כא ויקראו יב׳ ה׳ במקום א׳ בשדה ק׳ יג׳ המון ק׳ טו׳ בחפזם ק׳
כ׳ עד כאן ח, א׳ את ק׳

11 האָבן די טויערלייט גערופן, און מע האָט אָנגעזאָגט אינעווייניק אין מלכס הויז. 12 איז דער מלך אויפגעשטאַנען אין דער נאַכט, און ער האָט געזאָגט צו זיינע קנעכט: לאָמיר אַייך זאָגן וואָס די אַרַמים האָבן אונדז דאָ געטאָן: זיי ווייסן אַז מיר זיינען הונגעריקע, דרום זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען פון לאַגער זיך צו באַהאַלטן אין פעלד, אַזוי צו זאָגן: ווי זיי וועלן אַרויסגיין פון שטאָט, אַזוי וועלן מיר זיי כאַפּן לעבעדיקערהייט, און מיר וועלן אַריינגיין אין שטאָט.

13 האָט זיך אָנגערופן איינער פון זיינע קנעכט און האָט געזאָגט: טאָ זאָל מען, איך בעט דיך, נעמען פינף פון די געבליבענע פערד וואָס זיינען דאָ געבליבן—זיי זיינען דאָך אַזוי ווי דער גאַנצער המון פון ישׂראל וואָס זיינען דאָ געבליבן; זיי זיינען דאָך אַזוי ווי דער גאַנצער המון פון ישׂראל וואָס גייען אויס—און לאָמיר שיקן און זען. 14 האָבן זיי גענומען צוויי רייטוועגן מיט פערד, און דער מלך האָט זיי געשיקט נאָך דעם חיל פון אַרַם, אַזוי צו זאָגן: גייט און זעט.

15 זיינען זיי געגאַנגען נאָך זיי ביזן יַרדן; ערשט דער גאַנצער וועג איז פול מיט בגדים און זאַכן וואָס די אַרַמים האָבן אַוועקגעוואָרפן אין זייער אַיילעניש. האָבן די שלוחים זיך אומגעקערט, און האָבן דערציילט דעם מלך. 16 איז אַרויסגעגאַנגען דאָס גאַנצע פאָלק, און זיי האָבן אויסגערויבט דעם לאַגער פון אַרַם; און אַ סְאָה זעמלמעל איז געוואָרן פאַר אַ שֶׁקל, און צוויי סְאָה גערשטן פאַר אַ שֶׁקל, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט.

17 און דער מלך האָט אויפגעזעצט דעם הויפּטמאַן וואָס ער איז געווען אָנגעלענט אויף זיין האַנט, איבער דעם טויער. האָט אים דאָס פאָלק צעטרעטן אין טויער, און ער איז געשטאָרבן. אַזוי ווי עס האָט גערעדט דער געטלעכער מאַן, וואָס ער האָט גערעדט ווען דער מלך האָט אַראָפּגענידערט צו אים. 18 וואָרום עס איז געווען, אַז דער געטלעכער מאַן האָט גערעדט צום מלך, אַזוי צו זאָגן: צוויי סְאָה גערשטן וועלן זיין פאַר אַ שֶׁקל, און אַ סְאָה זעמלמעל פאַר אַ שֶׁקל, מאָרגן אין דער צייט אין טויער פון שומרון, 19 האָט דער הויפּטמאַן זיך אָפּגערופן צום געטלעכן מאַן, און האָט געזאָגט: און אַפילו גאָט זאָל מאַכן פענצטער אין הימל, קען דען געשען אַזוי ווי דידאָזיקע זאַך? האָט ער געזאָגט: אָט וועסטו זען מיט דיינע אויגן, אָבער עסן דערפון וועסטו ניט. 20 און אים איז אַזוי געשען און דאָס פאָלק האָט אים צעטרעטן אין טויער, און ער איז געשטאָרבן.

ח 1 און אֶלישָע האָט גערעדט צו דער פרוי וואָס ער האָט לעבעדיק געמאַכט איר זון, אַזוי צו זאָגן: שטיי אויף און גיי, דו און דיין הויזגעזינט, און האַלט זיך אויף ווו דו וועסט זיך אויפהאַלטן, וואָרום גאָט האָט גערופן אַ הונגער, און ער קומט אויך איבערן לאַנד אויף זיבן יאָר.

2 איז די פרוי אויפגעשטאַנען, און האָט געטאָן אַזוי ווי דאָס וואָרט פון דעם געטלעכן מאַן, און זי איז געגאַנגען מיט

איר הויזגעזינט, און האָט זיך אויפגעהאַלטן אין לאַנד פון די פלשתים זיבן יאָר. [3] און עס איז געווען צום סוף פון די זיבן יאָר, האָט די פרוי זיך אומגעקערט פון לאַנד פון די פלשתים, און זי איז אַרויסגעגאַנגען שרײַען צום מלך וועגן איר הויז און וועגן איר פעלד. [4] און דער מלך האָט גראָד גערעדט צו גֵיחזי דעם יונג פון דעם געטלעכן מאַן, אַזוי צו זאָגן: דערצייל מיר אַקאָרשט אַלע גרויסע זאַכן וואָס אלישע האָט געטאָן. [5] און עס איז געווען, ווי ער דער־ציילט אַזוי דעם מלך, אַז ער האָט לעבעדיק געמאַכט דעם טויטן, ערשט די פרוי וואָס ער האָט לעבעדיק גע־מאַכט איר זון, שרײַט צום מלך וועגן איר הויז און וועגן איר פעלד. האָט גֵיחזי געזאָגט: מײַן האַר מלך, דאָס איז די פרוי, און דאָס איז איר זון וואָס אלישע האָט לעבעדיק געמאַכט. [6] האָט דער מלך אויסגעפרעגט די פרוי, און זי האָט אים דערציילט. און דער מלך האָט איר מיטגע־געבן אַ הויפדינער, אַזוי צו זאָגן: קער אום אַלץ וואָס איז אירס, און אַלע אײַנקומענישן פון דעם פעלד, פון דעם טאָג וואָס זי האָט פאַרלאָזן דאָס לאַנד און ביז אַצונד.

[7] און אלישע איז געקומען קיין דמשק; און בן־הדד דער מלך פון ארם איז געווען קראַנק; איז אים דערציילט געוואָרן, אַזוי צו זאָגן: דער געטלעכער מאַן איז געקומען אַהער. [8] האָט דער מלך געזאָגט צו חזאלן: נעם אין דײַן האַנט אַ מתנה, און גיי אַנטקעגן דעם געטלעכן מאַן, און זאָלסט פרעגן דורך אים בײַ גאָט, אַזוי צו זאָגן: וועל איך גענעזן ווערן פון דערדאָזיקער קראַנקשאַפט?

ג בְּאֶרֶץ־פְּלִשְׁתִּים שֶׁבַע שָׁנִים׃ וַיְהִי מִקְצֵה שֶׁבַע שָׁנִים
וַתָּשָׁב הָאִשָּׁה מֵאֶרֶץ פְּלִשְׁתִּים וַתֵּצֵא לִצְעֹק אֶל־הַמֶּלֶךְ
ד אֶל־בֵּיתָהּ וְאֶל־שָׂדָהּ׃ וְהַמֶּלֶךְ מְדַבֵּר אֶל־גֵּחֲזִי
נַעַר אִישׁ־הָאֱלֹהִים לֵאמֹר סַפְּרָה־נָּא לִי אֵת כָּל־הַגְּדֹלוֹת
ה אֲשֶׁר־עָשָׂה אֱלִישָׁע׃ וַיְהִי הוּא מְסַפֵּר לַמֶּלֶךְ אֵת אֲשֶׁר־
הֶחֱיָה אֶת־הַמֵּת וְהִנֵּה הָאִשָּׁה אֲשֶׁר־הֶחֱיָה אֶת־בְּנָהּ
צֹעֶקֶת אֶל־הַמֶּלֶךְ עַל־בֵּיתָהּ וְעַל־שָׂדָהּ וַיֹּאמֶר גֵּחֲזִי אֲדֹנִי
ו הַמֶּלֶךְ זֹאת הָאִשָּׁה וְזֶה־בְּנָהּ אֲשֶׁר־הֶחֱיָה אֱלִישָׁע׃ וַיִּשְׁאַל
הַמֶּלֶךְ לָאִשָּׁה וַתְּסַפֶּר־לוֹ וַיִּתֶּן־לָהּ הַמֶּלֶךְ סָרִיס אֶחָד
לֵאמֹר הָשֵׁיב אֶת־כָּל־אֲשֶׁר־לָהּ וְאֵת כָּל־תְּבוּאֹת הַשָּׂדֶה
ז מִיּוֹם עָזְבָה אֶת־הָאָרֶץ וְעַד־עָתָּה׃ וַיָּבֹא אֱלִישָׁע
דַּמֶּשֶׂק וּבֶן־הֲדַד מֶלֶךְ־אֲרָם חֹלֶה וַיֻּגַּד־לוֹ לֵאמֹר בָּא אִישׁ
ח הָאֱלֹהִים עַד־הֵנָּה׃ וַיֹּאמֶר הַמֶּלֶךְ אֶל־חֲזָהאֵל קַח בְּיָדְךָ
מִנְחָה וְלֵךְ לִקְרַאת אִישׁ הָאֱלֹהִים וְדָרַשְׁתָּ אֶת־יְהוָה
ט מֵאוֹתוֹ לֵאמֹר הַאֶחְיֶה מֵחֳלִי זֶה׃ וַיֵּלֶךְ חֲזָאֵל לִקְרָאתוֹ
וַיִּקַּח מִנְחָה בְיָדוֹ וְכָל־טוּב דַּמֶּשֶׂק מַשָּׂא אַרְבָּעִים גָּמָל
וַיָּבֹא וַיַּעֲמֹד לְפָנָיו וַיֹּאמֶר בִּנְךָ בֶן־הֲדַד מֶלֶךְ־אֲרָם
י שְׁלָחַנִי אֵלֶיךָ לֵאמֹר הַאֶחְיֶה מֵחֳלִי זֶה׃ וַיֹּאמֶר אֵלָיו
אֱלִישָׁע לֵךְ אֱמָר־לא חָיֹה תִחְיֶה וְהִרְאַנִי יְהוָה כִּי־מוֹת
יא יָמוּת׃ וַיַּעֲמֵד אֶת־פָּנָיו וַיָּשֶׂם עַד־בֹּשׁ וַיֵּבְךְּ אִישׁ הָאֱלֹהִים׃
יב וַיֹּאמֶר חֲזָאֵל מַדּוּעַ אֲדֹנִי בֹכֶה וַיֹּאמֶר כִּי־יָדַעְתִּי אֵת
אֲשֶׁר־תַּעֲשֶׂה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל רָעָה מִבְצְרֵיהֶם תְּשַׁלַּח
בָּאֵשׁ וּבַחֻרֵיהֶם בַּחֶרֶב תַּהֲרֹג וְעֹלְלֵיהֶם תְּרַטֵּשׁ וְהָרֹתֵיהֶם
יג תְּבַקֵּעַ׃ וַיֹּאמֶר חֲזָהאֵל כִּי מָה עַבְדְּךָ הַכֶּלֶב כִּי יַעֲשֶׂה
הַדָּבָר הַגָּדוֹל הַזֶּה וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע הִרְאַנִי יְהוָה אֹתְךָ
יד מֶלֶךְ עַל־אֲרָם׃ וַיֵּלֶךְ ׀ מֵאֵת אֱלִישָׁע וַיָּבֹא אֶל־אֲדֹנָיו
וַיֹּאמֶר לוֹ מָה־אָמַר לְךָ אֱלִישָׁע וַיֹּאמֶר אָמַר לִי חָיֹה

ו׳ לא מסיק ה   י׳ לו קרי

[9] איז חזאל געגאַנגען אים אַנטקעגן; און ער האָט מיטגענומען אַ מתנה אין זײַן האַנט, און פון אַלדאָס גוטס פון דמשק, אַ משא פון פערציק קעמלען, און ער איז געקומען און האָט זיך געשטעלט פאַר אים, און האָט געזאָגט: דײַן זון בן־הדד דער מלך פון ארם האָט מיך געשיקט צו דיר, אַזוי צו זאָגן: וועל איך גענעזן ווערן פון דערדאָזיקער קראַנקשאַפט? [10] האָט אלישע צו אים געזאָגט: גיי זאָג צו אים: גענעזן וועסטו גענעזן ווערן; אָבער גאָט האָט מיר באַוויזן אַז שטאַרבן וועט ער שטאַרבן.

[11] און ער האָט אַנגעשטעלט זײַן פּנים, און [אים] באַטראַכט ביז ער האָט זיך פאַרשעמט; און דער געטלעכער מאַן האָט געוויינט.

[12] האָט חזאל געזאָגט: פאַרוואָס וויינט מײַן האַר? האָט ער געזאָגט: ווײַל איך ווייס דאָס בײז וואָס דו וועסט אָנטאָן די קינדער פון ישראל. זייערע פעסטונגען וועסטו אַוועקלאָזן אין פײַער, און זייערע יונגעלײַט וועסטו הרגען מיטן שווערד, און זייערע קליינע קינדער וועסטו צעהאַקן, און זייערע טראָגעדיקע וועסטו אויפשפּאַלטן. [13] האָט חזאל געזאָגט: אָבער וואָס איז דײַן קנעכט דער הונט, אַז ער זאָל טאָן דידאָזיקע גרויסע זאַך? האָט אלישע געזאָגט: גאָט האָט מיר געוויזן דיך ווי דעם מלך איבער ארם.

[14] איז ער אַוועקגעגאַנגען פון אלישען, און איז געקומען צו זײַן האַר; האָט ער אים געפרעגט: וואָס האָט אלישע געזאָגט? האָט ער געזאָגט: ער האָט מיר געזאָגט, גענעזן וועסטו גענעזן ווערן.

תְּחִיֶה׃ וַיְהִי מִמָּחֳרָת וַיִּקַּח הַמַּכְבֵּר וַיִּטְבֹּל בַּמַּיִם טו
וַיִּפְרֹשׂ עַל־פָּנָיו וַיָּמֹת וַיִּמְלֹךְ חֲזָהאֵל תַּחְתָּיו׃
וּבִשְׁנַת חָמֵשׁ לְיוֹרָם בֶּן־אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וִיהוֹשָׁפָט טז
מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ יְהוֹרָם בֶּן־יְהוֹשָׁפָט מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן־ יז
שְׁלֹשִׁים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה הָיָה בְמָלְכוֹ וּשְׁמֹנֶה שָׁנָה מָלַךְ
בִּירוּשָׁלָ‍ִם׃ וַיֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ ׀ מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל כַּאֲשֶׁר עָשׂוּ בֵּית יח
אַחְאָב כִּי בַּת־אַחְאָב הָיְתָה־לּוֹ לְאִשָּׁה וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי
יְהוָה׃ וְלֹא־אָבָה יְהוָה לְהַשְׁחִית אֶת־יְהוּדָה לְמַעַן דָּוִד יט
עַבְדּוֹ כַּאֲשֶׁר אָמַר־לוֹ לָתֵת לוֹ נִיר לְבָנָיו כָּל־הַיָּמִים׃
בְּיָמָיו פָּשַׁע אֱדוֹם מִתַּחַת יַד־יְהוּדָה וַיַּמְלִכוּ עֲלֵיהֶם כ
מֶלֶךְ׃ וַיַּעֲבֹר יוֹרָם צָעִירָה וְכָל־הָרֶכֶב עִמּוֹ וַיְהִי־הוּא כא
קָם לַיְלָה וַיַּכֶּה אֶת־אֱדוֹם הַסֹּבֵיב אֵלָיו וְאֵת שָׂרֵי הָרֶכֶב
וַיָּנָס הָעָם לְאֹהָלָיו׃ וַיִּפְשַׁע אֱדוֹם מִתַּחַת יַד־יְהוּדָה עַד כב
הַיּוֹם הַזֶּה אָז תִּפְשַׁע לִבְנָה בָּעֵת הַהִיא׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי כג
יוֹרָם וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּשְׁכַּב יוֹרָם עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר כד
עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד וַיִּמְלֹךְ אֲחַזְיָהוּ בְנוֹ תַּחְתָּיו׃
בִּשְׁנַת שְׁתֵּים־עֶשְׂרֵה שָׁנָה לְיוֹרָם בֶּן־אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל כה
מָלַךְ אֲחַזְיָהוּ בֶן־יְהוֹרָם מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן־עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם כו
שָׁנָה אֲחַזְיָהוּ בְמָלְכוֹ וְשָׁנָה אַחַת מָלַךְ בִּירוּשָׁלָ‍ִם וְשֵׁם
אִמּוֹ עֲתַלְיָהוּ בַּת־עָמְרִי מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל׃ וַיֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ בֵּית כז
אַחְאָב וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כְּבֵית אַחְאָב כִּי חֲתַן
בֵּית־אַחְאָב הוּא׃ וַיֵּלֶךְ אֶת־יוֹרָם בֶּן־אַחְאָב לַמִּלְחָמָה כח
עִם־חֲזָהאֵל מֶלֶךְ־אֲרָם בְּרָמֹת גִּלְעָד וַיַּכּוּ אֲרַמִּים אֶת־יוֹרָם׃
וַיָּשָׁב יוֹרָם הַמֶּלֶךְ לְהִתְרַפֵּא בְיִזְרְעֶאל מִן־הַמַּכִּים אֲשֶׁר כט
יַכֻּהוּ אֲרַמִּים בָּרָמָה בְּהִלָּחֲמוֹ אֶת־חֲזָהאֵל מֶלֶךְ אֲרָם

יז׳ שנים ק׳ יט׳ בס״א לבניו כא׳ יתיר ה

15 און עס איז געווען אויף מאָרגן, האָט ער גענומען דאָס שטריקטוך און איינגעטונקט אין וואַסער, און פֿאַרשפּרייט אויף זיין פּנים, און ער איז געשטאָרבן. און חֲזָאֵל איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

16 און אין פֿינפֿטן יאָר פֿון יוֹרָם דעם זון פֿון אַחְאָבן, דעם מלך פֿון ישׂראל ווען יהוֹשָׁפָט איז געווען דער מלך פֿון יהודה, איז יהוֹרָם דער זון פֿון יהוֹשָׁפָט דעם מלך פֿון יהודה געוואָרן מלך. 17 צוויי און דרייסיק יאָר איז ער אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און אַכט יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָׁלַיִם. 18 און ער איז געגאַנגען אין דעם וועג פֿון די מלכים פֿון ישׂראל, אַזוי ווי דאָס הויז פֿון אַחְאָב האָט געטאָן; וואָרום ער האָט געהאַט אַחְאָבס טאָכטער פֿאַר אַ ווייב; און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט. 19 אָבער גאָט האָט נִיט געוואָלט אומברענגען יהודה פֿון זיין קנעכט דוִדס וועגן, אַזוי ווי ער האָט אים צוגעזאָגט, צו געבן אים און זיינע קינדער אַ ליכט אַלע טעג.

20 אין זיינע טעג איז אֱדוֹם אָפּגעפֿאַלן פֿון אונטער דער האַנט פֿון יהודה, און זיי האָבן געמאַכט איבער זיך אַ מלך. 21 איז יוֹרָם אַריבערגעגאַנגען קיין צָעִיר, און אַלע רייטוועגן מיט אים, און ער איז אויפֿגעשטאַנען ביי נאַכט, און האָט געשלאָגן די אֲדוֹמים וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, און די הויפּטלייט פֿון די רייטוועגן; און דאָס פֿאָלק איז אַנטלאָפֿן צו זיינע געצעלטן. 22 אָבער אֱדוֹם איז אָפּגעפֿאַלן פֿון אונטער דער האַנט פֿון יהודה ביז אויף היינטיקן טאָג. דענסמאָל אין דער אייגענער צייט איז אָפּגעפֿאַלן לִבְנָה.

23 און די איבעריקע זאַכן וועגן יוֹרָמען, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פֿון די צייטגעשעענישן פֿון די מלכים פֿון יהודה.

24 און יוֹרָם האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן לעבן זיינע עלטערן אין דודסשטאָט. און זיין זון אֲחַזְיָהוּ איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

25 אין צוועלפֿטן יאָר פֿון יוֹרָם דעם זון פֿון אַחְאָבן, דעם מלך פֿון ישׂראל, איז געוואָרן מלך אֲחַזְיָהוּ דער זון פֿון יהוֹרָם דעם מלך פֿון יהודה. 26 צוויי און צוואַנציק יאָר איז אֲחַזְיָהוּ אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און איין יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָׁלַיִם. און דער נאָמען פֿון זיין מוטער איז געווען עֲתַלְיָהוּ די טאָכטער פֿון עָמְרִי דעם מלך פֿון ישׂראל.

27 און ער איז געגאַנגען אין דעם וועג פֿון אַחְאָבס הויז, און האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פֿון גאָט, אַזוי ווי דאָס הויז פֿון אַחְאָב, וואָרום ער איז געווען אַן איידים פֿון אַחְאָבס הויז.

28 און ער איז געגאַנגען מיט יוֹרָם דעם זון פֿון אַחְאָבן אויף מלחמה מיט חֲזָאֵל דעם מלך פֿון אֲרָם, אין רָמוֹת־גִּלְעָד; און די אֲרַמִים האָבן פֿאַרוווּנדט יוֹרָמען. 29 און דער מלך יוֹרָם האָט זיך אומגעקערט זיך צו היילן אין יִזְרְעֶאל פֿון די ווּנדן וואָס די אֲרַמִים האָבן אים פֿאַרוווּנדט אין רָמָה, ווען ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט חֲזָאֵל דעם מלך פֿון אֲרָם.

אין אַחַזְיָהו דער זון פון יהוֹרָמען, דער מלך פון יהודה,
האָט אַראָפּגענידערט צו זען יוֹרָם דעם זון פון אַחְאָבן
אין יִזְרְעֶאל, ווען ער איז געווען קראַנק.

ט [1] און אֶלִישָׁע דער נביא האָט גערופן איינעם פון די
יונגע נביאים, און האָט צו אים געזאָגט: גורט אָן
דיינע לענדן, און נעם דאָסדאָזיקע קריגל אייל אין דיין
האַנט, און גיי קיין רָמוֹת־גִלְעָד. [2] און אַז דו וועסט קומען
אַהין, קוק זיך אַרום אויף יֵהוא דעם זון פון יהוֹשָׁפָט דעם
זון פון נִמשין; און זאָלסט אַריינגיין, און אים מאַכן אויפ־
שטיין פון צווישן זיינע ברידער, און זאָלסט אים אַריינפירן
אין אַ קאַמער הינטער אַ קאַמער. [3] און זאָלסט נעמען
דאָס קריגל אייל, און אַרויפגיסן אויף זיין קאָפּ, און זאָגן:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ
מלך איבער ישׂראל. און זאָלסט עפענען די טיר און אַנט־
לויפן, און ניט וואַרטן.

[4] איז דער יונגערמאַן, דער יונגער נביא, געגאַנגען
קיין רָמוֹת־גִלְעָד. [5] און ווי ער איז געקומען, ערשט די
הויפּטלייט פון חיל זיצן. האָט ער געזאָגט: איך האָב אַ
וואָרט צו דיר, הויפּטמאַן. האָט יֵהוא געזאָגט: צו וועמען
פון אונדז אַלעמען? האָט ער געזאָגט: צו דיר, הויפּטמאַן.

[6] איז ער אויפגעשטאַנען, און ער איז אַריינגעגאַנגען
אין הויז. און ער האָט אַרויפגעגאָסן דאָס אייל אויף זיין
קאָפּ, און האָט צו אים געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה
דער גאָט פון ישׂראל: איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ
מלך איבער דעם פאָלק פון גאָט, איבער ישׂראל. [7] און
זאָלסט דערשלאָגן דאָס הויז פון אַחְאָב דיין האַר, כּדי
איך זאָל זיך נוקם זיין פאַר דעם בלוט פון מיינע קנעכט די נביאים, און פאַר דעם בלוט פון אַלע קנעכט פון **גאָט**, פון
איזֶבלס האַנט. [8] און דאָס גאַנצע הויז פון אַחְאָב זאָל אונטערגיין; און איך וועל פאַרשניידן פון אַחְאָבן יעטוועדער
מאַנספאַרשוין[א], און קינד און קייט, צווישן ישׂראל. [9] און איך וועל מאַכן דאָס הויז פון אַחְאָב אַזוי ווי דאָס הויז פון
יָרָבְעָם דעם זון פון נְבָטן, און אַזוי ווי דאָס הויז פון בַּעְשָׁא דעם זון פון אַחִיָּהן. [10] און די הינט וועלן עסן איזֶבלען אין
דעם שטיק לאַנד פון יִזְרְעֶאל, און קיין באַגרעבער וועט ניט זיין.
און ער האָט געעפנט די טיר, און איז אַנטלאָפן.

[11] און יֵהוא איז אַרויסגעגאַנגען צו די קנעכט פון זיין האַר; האָט מען צו אים געזאָגט: איז פריד? וועגן וואָס איז
דערדאָזיקער משוגענער געקומען צו דיר? האָט ער צו זיי געזאָגט: איר קענט דאָך דעם מאַן און זיין רעדן. [12] האָבן
זיי געזאָגט: אַ ליגן! דערצייל אונדז אַקאָרשט. האָט ער געזאָגט: אַזוי און אַזוי האָט ער גערעדט צו מיר, אַזוי צו זאָגן:
אַזוי האָט גאָט געזאָגט: איך האָב דיך געזאַלבט פאַר אַ מלך איבער ישׂראל.

[13] האָבן זיי געאיילט און גענומען איטלעכער זיין בגד, און אונטערגעלייגט אונטער אים אויף דער אויבערשטער
טרעפּ, און זיי האָבן געבלאָזן אין שופר, און געזאָגט: יֵהוא איז מלך!

[14] אַזוי האָט יֵהוא דער זון פון יהוֹשָׁפָט דעם זון פון נִמשין געמאַכט אַ בונט אויף יוֹרָמען.—און יוֹרָם האָט געהאַט

וַאֲחַזְיָהוּ בֶן־יְהוֹרָם מֶלֶךְ יְהוּדָה יָרַד לִרְאוֹת אֶת־יוֹרָם
בֶּן־אַחְאָב בְּיִזְרְעֶאל כִּי־חֹלֶה הוּא׃

ט

א וֶאֱלִישָׁע הַנָּבִיא קָרָא לְאַחַד מִבְּנֵי הַנְּבִיאִים וַיֹּאמֶר לוֹ
חֲגֹר מָתְנֶיךָ וְקַח פַּךְ הַשֶּׁמֶן הַזֶּה בְּיָדֶךָ וְלֵךְ רָמֹת גִּלְעָד׃
ב וּבָאתָ שָׁמָּה וּרְאֵה־שָׁם יֵהוּא בֶן־יְהוֹשָׁפָט בֶּן־נִמְשִׁי
וּבָאתָ וַהֲקֵמֹתוֹ מִתּוֹךְ אֶחָיו וְהֵבֵאתָ אֹתוֹ חֶדֶר בְּחָדֶר׃
ג וְלָקַחְתָּ פַךְ־הַשֶּׁמֶן וְיָצַקְתָּ עַל־רֹאשׁוֹ וְאָמַרְתָּ כֹּה־אָמַר
יְהוָה מְשַׁחְתִּיךָ לְמֶלֶךְ אֶל־יִשְׂרָאֵל וּפָתַחְתָּ הַדֶּלֶת וְנַסְתָּה
ד ה וְלֹא תְחַכֶּה׃ וַיֵּלֶךְ הַנַּעַר הַנַּעַר הַנָּבִיא רָמֹת גִּלְעָד׃ וַיָּבֹא
וְהִנֵּה שָׂרֵי הַחַיִל יֹשְׁבִים וַיֹּאמֶר דָּבָר לִי אֵלֶיךָ הַשָּׂר וַיֹּאמֶר
ו יֵהוּא אֶל־מִי מִכֻּלָּנוּ וַיֹּאמֶר אֵלֶיךָ הַשָּׂר׃ וַיָּקָם וַיָּבֹא
הַבַּיְתָה וַיִּצֹק הַשֶּׁמֶן אֶל־רֹאשׁוֹ וַיֹּאמֶר לוֹ כֹּה־אָמַר יְהוָה
אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל מְשַׁחְתִּיךָ לְמֶלֶךְ אֶל־עַם יְהוָה אֶל־יִשְׂרָאֵל׃
ז וְהִכִּיתָה אֶת־בֵּית אַחְאָב אֲדֹנֶיךָ וְנִקַּמְתִּי דְּמֵי ׀ עֲבָדַי
ח הַנְּבִיאִים וּדְמֵי כָּל־עַבְדֵי יְהוָה מִיַּד אִיזָבֶל׃ וְאָבַד כָּל־
בֵּית אַחְאָב וְהִכְרַתִּי לְאַחְאָב מַשְׁתִּין בְּקִיר וְעָצוּר וְעָזוּב
ט בְּיִשְׂרָאֵל׃ וְנָתַתִּי אֶת־בֵּית אַחְאָב כְּבֵית יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט
י וּכְבֵית בַּעְשָׁא בֶן־אֲחִיָּה׃ וְאֶת־אִיזֶבֶל יֹאכְלוּ הַכְּלָבִים
יא בְּחֵלֶק יִזְרְעֶאל וְאֵין קֹבֵר וַיִּפְתַּח הַדֶּלֶת וַיָּנֹס׃ וְיֵהוּא
יָצָא אֶל־עַבְדֵי אֲדֹנָיו וַיֹּאמֶר לוֹ הֲשָׁלוֹם מַדּוּעַ בָּא־
הַמְשֻׁגָּע הַזֶּה אֵלֶיךָ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם אַתֶּם יְדַעְתֶּם אֶת־
יב הָאִישׁ וְאֶת־שִׂיחוֹ׃ וַיֹּאמְרוּ שֶׁקֶר הַגֶּד־נָא לָנוּ וַיֹּאמֶר
כָּזֹאת וְכָזֹאת אָמַר אֵלַי לֵאמֹר כֹּה אָמַר יְהוָה מְשַׁחְתִּיךָ
יג לְמֶלֶךְ אֶל־יִשְׂרָאֵל׃ וַיְמַהֲרוּ וַיִּקְחוּ אִישׁ בִּגְדוֹ וַיָּשִׂימוּ
תַחְתָּיו אֶל־גֶּרֶם הַמַּעֲלוֹת וַיִּתְקְעוּ בַּשּׁוֹפָר וַיֹּאמְרוּ מָלַךְ
יד יֵהוּא׃ וַיִּתְקַשֵּׁר יֵהוּא בֶּן־יְהוֹשָׁפָט בֶּן־נִמְשִׁי אֶל־יוֹרָם

ט, ב׳ כציל   מלא ר   ג׳ כיא עלי   יא׳ סבירין ויאמר

[א] אין טעקסט: מַשְׁתִּין בְּקִיר.

וְיוֹרָם הָיָה שֹׁמֵר בְּרָמֹת גִּלְעָד הוּא וְכָל־יִשְׂרָאֵל מִפְּנֵי
חֲזָאֵל מֶלֶךְ אֲרָם׃ וַיָּשָׁב יְהוֹרָם הַמֶּלֶךְ לְהִתְרַפֵּא בְיִזְרְעֶאל טו
מִן־הַמַּכִּים אֲשֶׁר יַכֻּהוּ אֲרַמִּים בְּהִלָּחֲמוֹ אֶת־חֲזָאֵל מֶלֶךְ
אֲרָם וַיֹּאמֶר יֵהוּא אִם־יֵשׁ נַפְשְׁכֶם אַל־יֵצֵא פָלִיט מִן־
הָעִיר לָלֶכֶת לְגִיד בְּיִזְרְעֶאל׃ וַיִּרְכַּב יֵהוּא וַיֵּלֶךְ יִזְרְעֶאלָה טז
כִּי יוֹרָם שֹׁכֵב שָׁמָּה וַאֲחַזְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה יָרַד לִרְאוֹת
אֶת־יוֹרָם׃ וְהַצֹּפֶה עֹמֵד עַל־הַמִּגְדָּל בְּיִזְרְעֶאל וַיַּרְא אֶת־ יז
שִׁפְעַת יֵהוּא בְּבֹאוֹ וַיֹּאמֶר שִׁפְעַת אֲנִי רֹאֶה וַיֹּאמֶר
יְהוֹרָם קַח רַכָּב וּשְׁלַח לִקְרָאתָם וְיֹאמַר הֲשָׁלוֹם׃ וַיֵּלֶךְ יח
רֹכֵב הַסּוּס לִקְרָאתוֹ וַיֹּאמֶר כֹּה־אָמַר הַמֶּלֶךְ הֲשָׁלוֹם
וַיֹּאמֶר יֵהוּא מַה־לְּךָ וּלְשָׁלוֹם סֹב אֶל־אַחֲרָי וַיַּגֵּד הַצֹּפֶה
לֵאמֹר בָּא־הַמַּלְאָךְ עַד־הֵם וְלֹא־שָׁב׃ וַיִּשְׁלַח רֹכֵב סוּס יט
שֵׁנִי וַיָּבֹא אֲלֵהֶם וַיֹּאמֶר כֹּה־אָמַר הַמֶּלֶךְ שָׁלוֹם וַיֹּאמֶר
יֵהוּא מַה־לְּךָ וּלְשָׁלוֹם סֹב אֶל־אַחֲרָי׃ וַיַּגֵּד הַצֹּפֶה לֵאמֹר כ
בָּא עַד־אֲלֵיהֶם וְלֹא־שָׁב וְהַמִּנְהָג כְּמִנְהַג יֵהוּא בֶן־נִמְשִׁי
כִּי בְשִׁגָּעוֹן יִנְהָג׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹרָם אֱסֹר וַיֶּאְסֹר רִכְבּוֹ כא
וַיֵּצֵא יְהוֹרָם מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַאֲחַזְיָהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה אִישׁ
בְּרִכְבּוֹ וַיֵּצְאוּ לִקְרַאת יֵהוּא וַיִּמְצָאֻהוּ בְּחֶלְקַת נָבוֹת
הַיִּזְרְעֵאלִי׃ וַיְהִי כִּרְאוֹת יְהוֹרָם אֶת־יֵהוּא וַיֹּאמֶר הֲשָׁלוֹם כב
יֵהוּא וַיֹּאמֶר מָה הַשָּׁלוֹם עַד־זְנוּנֵי אִיזֶבֶל אִמְּךָ וּכְשָׁפֶיהָ
הָרַבִּים׃ וַיַּהֲפֹךְ יְהוֹרָם יָדָיו וַיָּנֹס וַיֹּאמֶר אֶל־אֲחַזְיָהוּ כג
מִרְמָה אֲחַזְיָה׃ וְיֵהוּא מִלֵּא יָדוֹ בַקֶּשֶׁת וַיַּךְ אֶת־יְהוֹרָם כד
בֵּין זְרֹעָיו וַיֵּצֵא הַחֵצִי מִלִּבּוֹ וַיִּכְרַע בְּרִכְבּוֹ׃ וַיֹּאמֶר כה
אֶל־בִּדְקַר שָׁלִשֹׁה שָׂא הַשְׁלִכֵהוּ בְּחֶלְקַת שְׂדֵה נָבוֹת
הַיִּזְרְעֵאלִי כִּי־זְכֹר אֲנִי וָאַתָּה אֵת רֹכְבִים צְמָדִים אַחֲרֵי
אַחְאָב אָבִיו וַיהוָה נָשָׂא עָלָיו אֶת־הַמַּשָּׂא הַזֶּה׃ אִם־ כו
לֹא אֶת־דְּמֵי נָבוֹת וְאֶת־דְּמֵי בָנָיו רָאִיתִי אֶמֶשׁ נְאֻם־יְהוָה

טו׳ להגיד ק׳ יט׳ סבירין השלום כה׳ שלשו קרי

געהיט רָמוֹת־גִלעָד פון חֲזָאֵל דעם מלך פון אֲרָם, ער און גאַנץ ישראל. [15] און דער מלך יהוֹרָם האָט זיך אומגעקערט זיך צו היילן אין יִזרְעֶאל פון די ווונדן וואָס די אַרַמִים האָבן אים פאַרוואונדט, ווען ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט חֲזָאֵל דעם מלך פון אֲרָם.—און יֵהוּא האָט געזאָגט: אויב דאָס איז אַייער ווילן, זאָל ניט אַרויס אַן אַנטרונענער פון שטאָט צו גיין אָנזאָגן אין יִזרְעֶאל.

[16] און יֵהוּא האָט זיך געזעצט אויף אַ רייטוואָגן, און איז אַוועק קיין יִזרְעֶאל, ווייל יוֹרָם איז דאָרטן געלעגן. און אַחַזְיָהוּ דער מלך פון יהודה האָט אַראָפּגענידערט צו זען יוֹרָמען.

[17] און דער וועכטער איז געשטאַנען אויף דעם טורעם אין יִזרְעֶאל, און ער האָט געזען די מחנה פון יֵהואן בײַ זיין אָנקומען. האָט ער געזאָגט: אַ מחנה זע איך. האָט יהוֹרָם געזאָגט: נעם אַ רייטער און שיק זײַ אַנטקעגן, און זאָל ער זאָגן: איז פריד?

[18] איז דער רייטער אויפן פערד אַוועק אים אַנטקעגן, און האָט געזאָגט: אַזוי האָט דער מלך געזאָגט: איז פריד? האָט יֵהוּא געזאָגט: וואָס קערסטו זיך אָן מיט פריד? דריי זיך אויס הינטער מיר.

האָט דער וועכטער אָנגעזאָגט אַזוי צו זאָגן: דער שליח איז אָנגעקומען ביז זײַ, אָבער ער קערט זיך ניט צוריק.

[19] האָט ער געשיקט אַ צווייטן רייטער אויף אַ פערד. און ער איז געקומען צו זײַ, און האָט געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט דער מלך: איז פריד? האָט יֵהוּא געזאָגט: וואָס קערסטו זיך אָן מיט פריד? דריי זיך אויס הינטער מיר.

[20] האָט דער וועכטער אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: ער איז אָנגעקומען ביז צו זײַ, אָבער ער קערט זיך ניט צוריק, און דאָס טרייבן איז אַזוי ווי דאָס טרייבן פון יֵהוּא דעם זון פון נִמשִין, וואָרום ער טרייבט משוגענערווייז.

[21] האָט יהוֹרָם געזאָגט: שפּאַן אײַן. האָט מען אײַנגעשפּאַנט זיין רייטוואָגן, און יהוֹרָם דער מלך פון ישראל און אַחַזְיָהוּ דער מלך פון יהודה זיינען אַרויס איטלעכער אין זיין רייטוואָגן, און זיינען אַרויס אַנטקעגן יֵהואן, און האָבן אים געטראָפן אין דעם שטיק לאַנד פון נָבוֹת דעם יִזרעאֵלי.

[22] און עס איז געווען, ווי יהוֹרָם האָט געזען יֵהואן, אַזוי האָט ער געזאָגט: איז פריד, יֵהוּא? האָט ער געענטפערט: וואָס פאַר פריד, בײַ די זנותן פון דיין מוטער איזֶבלען און אירע פיל כישופן?

[23] האָט יהוֹרָם פאַרקירעוועט זיינע הענט, און איז אַנטלאָפן, און ער האָט געזאָגט צו אַחַזְיָהון: באַטרוג, אַחַזְיָהוּ!

[24] און יֵהוּא האָט אָנגעצויגן מיט זיין האַנט דעם בויגן, און האָט געטראָפן יהוֹרָמען צווישן זיינע אָרעמס, און די פייל איז אים אַרויסגעגאַנגען דורכן האַרצן, און ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אין זיין רייטוואָגן. [25] האָט ער געזאָגט צו בִּדקַר זיין עלצטן: נעם, וואַרף אים אַוועק אין דעם שטיק פעלד פון נָבוֹת דעם יִזרעאֵלי. וואָרום געדענק ווי איך און דו זיינען געריטן באַנאַנד הינטער זיין פאָטער אַחאָבן, און גאָט האָט אויפגעהויבן אויף אים דידאָזיקע נבואה: [26] פאַרוואָר, איך האָב נעכטן געזען דאָס בלוט פון נָבוֹתן, און דאָס בלוט פון זיינע קינדער, זאָגט גאָט, און איך וועל דיר

וְשִׁלַּמְתִּי לְךָ בַּחֶלְקָה הַזֹּאת נְאֻם־יְהוָה וְעַתָּה שָׂא הַשְׁלִכֵהוּ
כז בַּחֶלְקָה כִּדְבַר יְהוָה׃ וַאֲחַזְיָה מֶלֶךְ־יְהוּדָה רָאָה וַיָּנָס
דֶּרֶךְ בֵּית הַגָּן וַיִּרְדֹּף אַחֲרָיו יֵהוּא וַיֹּאמֶר גַּם־אֹתוֹ הַכֻּהוּ
אֶל־הַמֶּרְכָּבָה בְּמַעֲלֵה־גוּר אֲשֶׁר אֶת־יִבְלְעָם וַיָּנָס מְגִדּוֹ
כח וַיָּמָת שָׁם׃ וַיַּרְכִּבוּ אֹתוֹ עֲבָדָיו יְרוּשָׁלָמָה וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ
כט בִקְבֻרָתוֹ עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד׃ וּבִשְׁנַת אַחַת־עֶשְׂרֵה
ל שָׁנָה לְיוֹרָם בֶּן־אַחְאָב מָלַךְ אֲחַזְיָה עַל־יְהוּדָה׃ וַיָּבוֹא
יֵהוּא יִזְרְעֶאלָה וְאִיזֶבֶל שָׁמְעָה וַתָּשֶׂם בַּפּוּךְ עֵינֶיהָ וַתֵּיטֶב
לא אֶת־רֹאשָׁהּ וַתַּשְׁקֵף בְּעַד הַחַלּוֹן׃ וְיֵהוּא בָּא בַשָּׁעַר
לב וַתֹּאמֶר הֲשָׁלוֹם זִמְרִי הֹרֵג אֲדֹנָיו׃ וַיִּשָּׂא פָנָיו אֶל־הַחַלּוֹן
וַיֹּאמֶר מִי אִתִּי מִי וַיַּשְׁקִיפוּ אֵלָיו שְׁנַיִם שְׁלֹשָׁה סָרִיסִים׃
לג וַיֹּאמֶר שִׁמְטֻהוּ וַיִּשְׁמְטוּהָ וַיִּז מִדָּמָהּ אֶל־הַקִּיר וְאֶל־
לד הַסּוּסִים וַיִּרְמְסֶנָּה׃ וַיָּבֹא וַיֹּאכַל וַיֵּשְׁתְּ וַיֹּאמֶר פִּקְדוּ־נָא
לה אֶת־הָאֲרוּרָה הַזֹּאת וְקִבְרוּהָ כִּי בַת־מֶלֶךְ הִיא׃ וַיֵּלְכוּ
לְקָבְרָהּ וְלֹא־מָצְאוּ בָהּ כִּי אִם־הַגֻּלְגֹּלֶת וְהָרַגְלַיִם וְכַפּוֹת
לו הַיָּדָיִם׃ וַיָּשֻׁבוּ וַיַּגִּידוּ לוֹ וַיֹּאמֶר דְּבַר־יְהוָה הוּא אֲשֶׁר
דִּבֶּר בְּיַד־עַבְדּוֹ אֵלִיָּהוּ הַתִּשְׁבִּי לֵאמֹר בְּחֵלֶק יִזְרְעֶאל
לז יֹאכְלוּ הַכְּלָבִים אֶת־בְּשַׂר אִיזָבֶל׃ וְהָיְתָ נִבְלַת אִיזֶבֶל
כְּדֹמֶן עַל־פְּנֵי הַשָּׂדֶה בְּחֵלֶק יִזְרְעֶאל אֲשֶׁר לֹא־יֹאמְרוּ
זֹאת אִיזָבֶל׃

י

א וּלְאַחְאָב שִׁבְעִים בָּנִים בְּשֹׁמְרוֹן וַיִּכְתֹּב יֵהוּא סְפָרִים
וַיִּשְׁלַח שֹׁמְרוֹן אֶל־שָׂרֵי יִזְרְעֶאל הַזְּקֵנִים וְאֶל־הָאֹמְנִים
ב אַחְאָב לֵאמֹר׃ וְעַתָּה כְּבֹא הַסֵּפֶר הַזֶּה אֲלֵיכֶם וְאִתְּכֶם
בְּנֵי אֲדֹנֵיכֶם וְאִתְּכֶם הָרֶכֶב וְהַסּוּסִים וְעִיר מִבְצָר וְהַנָּשֶׁק׃
ג וּרְאִיתֶם הַטּוֹב וְהַיָּשָׁר מִבְּנֵי אֲדֹנֵיכֶם וְשַׂמְתֶּם עַל־כִּסֵּא
ד אָבִיו וְהִלָּחֲמוּ עַל־בֵּית אֲדֹנֵיכֶם׃ וַיִּרְאוּ מְאֹד מְאֹד וַיֹּאמְרוּ

ט, לג׳ שמטוה קי׳ לז׳ והיתה ק׳

אָפּצאָלן אין דעמדאָזיקן שטיק לאַנד, זאָגט גאָט. און אַצונד נעם, וואַרף אים אַוועק אין דעם שטיק לאַנד, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט.

[27] און ווי אַחזיָהו דער מלך פון יהודה האָט דער־זען, אַזוי איז ער אַנטלאָפן דורך דעם גאָרטנהויז. אָבער יֵהוא האָט אים נאָכגעיאָגט, און האָט געזאָגט: שלאָגט אים אויך אויפן רייטוואָגן. [און זיי האָבן אים געשלאָגן] אויף דעם אַרויפגאַנג פון גור וואָס לעבן יִבלְעָם. און ער איז אַנטלאָפן קיין מגִדו, און איז דאָרטן געשטאָרבן. [28] און זיינע קנעכט האָבן אים געבראַכט צופירן קיין ירושָלַיִם, און האָבן אים באַגראָבן אין זיין קבר לעבן זיינע עלטערן אין דודס־שטאָט.

[29] און אין עלפטן יאָר פון יורָם דעם זון פון אַחאָבן איז אַחזיָה געוואָרן מלך איבער יהודה.

[30] און יֵהוא איז געקומען קיין יִזרְעאל. און איזֶבל האָט דערהערט, און זי האָט אַרויפגעטאָן פאַרב אויף אירע אויגן, און האָט פאַרפוצט איר קאָפּ, און אַרויסגע־קוקט דורכן פענצטער. [31] און ווי יֵהוא איז אַריינגעקומען אין טויער, אַזוי האָט זי געזאָגט: וואָס מאַכט זִמריא דער מערדער פון זיין האַר?

[32] האָט ער אויפגעהויבן זיין פּנים צום פענצטער, און האָט געזאָגט: ווער איז מיט מיר, ווער? האָבן אַרויס־געקוקט צו אים צוויי דריי הויפדינער. [33] האָט ער גע־זאָגט: שליידערט זי אַראָפּ. און זיי האָבן זי אַראָפּ־געשליידערט; און פון איר בלוט האָט אַרויפגעשפּריצט אויף דער וואַנט און אויף די פערד. און מע האָט זי צעטרעטן.

[34] און ער איז אַריינגעגאַנגען, און האָט געגעסן און געטרונקען, און ער האָט געזאָגט: באַשטאַט, איך בעט אײַך, דידאָזיקע פאַרשאָלטענע, און באַגראָבט זי, וואָרום אַ מלכס טאָכטער איז זי.

[35] זיינען זיי געגאַנגען זי באַגראָבן, אָבער זיי האָבן מער פון איר ניט געפונען, ווי בלויז דעם שאַרבן, און די פיס, און די האַנטפלעכן. [36] האָבן זיי זיך אומגעקערט, און האָבן אים דערציילט. האָט ער געזאָגט: דאָס איז דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט גערעדט דורך זיין קנעכט אֵליָהו דעם תִּשבי, אַזוי צו זאָגן: אין דעם שטיק לאַנד פון יִזרְעאל וועלן די הינט עסן דאָס פלייש פון איזֶבלען. [37] און דער טויטער לייב פון איזֶבלען וועט זיין אויפן שטיק לאַנד פון יִזרְעאל אַזוי ווי מיסט אויפן פרייען פעלד, אַז מע וועט ניט קענען זאָגן: דאָס איז איזֶבל.

י [1] און אַחאָב געהאַט זיבעציק זין אין שומרון. האָט יֵהוא געשריבן בריוו, און האָט געשיקט קיין שומרון צו די האַרן פון יִזרְעאל, די עלטסטע, און צו די וואָס זיינען געווען דערציער ביי אַחאָבן, אַזוי צו זאָגן: [2] און אַצונד, ווי עס קומט צו אײַך דערדאָזיקער בריוו, אַזוי ווי ביי אײַך זיינען די זין פון אײַער האַר, און ביי אײַך זיינען דאָ רייט־וועגן און פערד, און אַ פעסטונגשטאָט און וואָפן. [3] זאָלט איר זען דעם בעסטן און גלייכסטן פון אײַער האַרס זין, און אַרויפזעצן אויף זיין פאָטערס טראָן; און האַלט מלחמה פאַר אײַער האַרס הויז.

[4] האָבן זיי זייער שטאַרק מורא געקריגן, און זיי האָבן געזאָגט: אָט זיינען די צוויי מלכים ניט באַשטאַנען פאַר אים, און ווי וועלן מיר באַשטיין?

[a] זע מלכים א׳ טו, 10.

הִנֵּה שְׁנֵי הַמְּלָכִים לֹא עָמְדוּ לְפָנָיו וְאֵיךְ נַעֲמֹד אֲנָחְנוּ׃
וַיִּשְׁלַח אֲשֶׁר־עַל־הַבַּיִת וַאֲשֶׁר עַל־הָעִיר וְהַזְּקֵנִים וְהָאֹמְנִים ה
אֶל־יֵהוּא ׀ לֵאמֹר עֲבָדֶיךָ אֲנַחְנוּ וְכֹל אֲשֶׁר־תֹּאמַר אֵלֵינוּ
נַעֲשֶׂה לֹא־נַמְלִיךְ אִישׁ הַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ עֲשֵׂה׃ וַיִּכְתֹּב אֲלֵיהֶם ו
סֵפֶר ׀ שֵׁנִית לֵאמֹר אִם־לִי אַתֶּם וּלְקֹלִי ׀ אַתֶּם שֹׁמְעִים
קְחוּ אֶת־רָאשֵׁי אַנְשֵׁי בְנֵי־אֲדֹנֵיכֶם וּבֹאוּ אֵלַי כָּעֵת מָחָר
יִזְרְעֶאלָה וּבְנֵי הַמֶּלֶךְ שִׁבְעִים אִישׁ אֶת־גְּדֹלֵי הָעִיר
מְגַדְּלִים אוֹתָם׃ וַיְהִי כְּבֹא הַסֵּפֶר אֲלֵיהֶם וַיִּקְחוּ אֶת־בְּנֵי ז
הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁחֲטוּ שִׁבְעִים אִישׁ וַיָּשִׂימוּ אֶת־רָאשֵׁיהֶם בַּדּוּדִים
וַיִּשְׁלְחוּ אֵלָיו יִזְרְעֶאלָה׃ וַיָּבֹא הַמַּלְאָךְ וַיַּגֶּד־לוֹ לֵאמֹר ח
הֵבִיאוּ רָאשֵׁי בְנֵי־הַמֶּלֶךְ וַיֹּאמֶר שִׂימוּ אֹתָם שְׁנֵי צִבֻּרִים
פֶּתַח הַשַּׁעַר עַד־הַבֹּקֶר׃ וַיְהִי בַבֹּקֶר וַיֵּצֵא וַיַּעֲמֹד וַיֹּאמֶר ט
אֶל־כָּל־הָעָם צַדִּקִים אַתֶּם הִנֵּה אֲנִי קָשַׁרְתִּי עַל־אֲדֹנִי
וָאֶהְרְגֵהוּ וּמִי הִכָּה אֶת־כָּל־אֵלֶּה׃ דְּעוּ אֵפוֹא כִּי לֹא יִפֹּל י
מִדְּבַר יְהוָה אַרְצָה אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה עַל־בֵּית אַחְאָב
וַיהוָה עָשָׂה אֵת אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד עַבְדּוֹ אֵלִיָּהוּ׃ וַיַּךְ יֵהוּא יא
אֵת כָּל־הַנִּשְׁאָרִים לְבֵית־אַחְאָב בְּיִזְרְעֶאל וְכָל־גְּדֹלָיו
וּמְיֻדָּעָיו וְכֹהֲנָיו עַד־בִּלְתִּי הִשְׁאִיר־לוֹ שָׂרִיד׃ וַיָּקָם וַיָּבֹא יב
וַיֵּלֶךְ שֹׁמְרוֹן הוּא בֵּית־עֵקֶד הָרֹעִים בַּדָּרֶךְ׃ וְיֵהוּא מָצָא יג
אֶת־אֲחֵי אֲחַזְיָהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה וַיֹּאמֶר מִי אַתֶּם וַיֹּאמְרוּ
אֲחֵי אֲחַזְיָהוּ אֲנַחְנוּ וַנֵּרֶד לִשְׁלוֹם בְּנֵי־הַמֶּלֶךְ וּבְנֵי הַגְּבִירָה׃
וַיֹּאמֶר תִּפְשׂוּם חַיִּים וַיִּתְפְּשׂוּם חַיִּים וַיִּשְׁחָטוּם אֶל־בּוֹר יד
בֵּית־עֵקֶד אַרְבָּעִים וּשְׁנַיִם אִישׁ וְלֹא־הִשְׁאִיר אִישׁ מֵהֶם׃
וַיֵּלֶךְ מִשָּׁם וַיִּמְצָא אֶת־יְהוֹנָדָב בֶּן־רֵכָב לִקְרָאתוֹ טו
וַיְבָרְכֵהוּ וַיֹּאמֶר אֵלָיו הֲיֵשׁ אֶת־לְבָבְךָ יָשָׁר כַּאֲשֶׁר לְבָבִי
עִם־לְבָבֶךָ וַיֹּאמֶר יְהוֹנָדָב יֵשׁ וָיֵשׁ תְּנָה אֶת־יָדֶךָ וַיִּתֵּן
יָדוֹ וַיַּעֲלֵהוּ אֵלָיו אֶל־הַמֶּרְכָּבָה׃ וַיֹּאמֶר לְכָה אִתִּי וּרְאֵה טז
בְּקִנְאָתִי לַיהוָה וַיַּרְכִּבוּ אֹתוֹ בְּרִכְבּוֹ׃ וַיָּבֹא שֹׁמְרוֹן וַיַּךְ יז

טו׳ כ״א על

5 און דער וואָס איבער דעם פּאַלאַץ, און דער וואָס איבער דער שטאָט, און די עלטסטע, און די דערציער, האָבן געשיקט צו יֵהוּאן, אַזוי צו זאָגן: דיינע קנעכט זיינען מיר, און אַלץ וואָס דו וועסט אונדז זאָגן, וועלן מיר טאָן. מיר וועלן קיינעם ניט מאַכן פאַר אַ מלך. וואָס איז גוט אין דיינע אויגן, טו.

6 האָט ער געשריבן צו זיי אַ בריוו אַ צווייט מאָל, אַזוי צו זאָגן: אויב איר זייט מיט מיר, און איר ווילט צו־הערן צו מיין קָול, נעמט די קעפּ פון די מאַנספּאַרשוינען, אייער האַרס זין, און קומט צו מיר מאָרגן אַרום דער צייט קיין יִזרְעֶאל.

און די זין פון מלך, זיבעציק פּאַרשוין, זיינען געווען ביי די גרויסע לייט פון דער שטאָט, וואָס האָבן זיי אויפ־געצויגן. 7 און עס איז געווען, ווי דער בריוו איז אָנגע־קומען צו זיי, אַזוי האָבן זיי גענומען די זין פון מלך, און זיי געשאָכטן, זיבעציק פּאַרשוין; און זיי האָבן אַריינגעטאָן זייערע קעפּ אין קערב, און אַוועקגעשיקט צו אים קיין יִזרְעֶאל.

8 איז געקומען אַ שליח, און האָט אים אָנגעזאָגט, אַזוי צו זאָגן: מע האָט געבראַכט די קעפּ פון דעם מלכס זין. האָט ער געזאָגט: מאַכט זיי אין צוויי הויפנס ביים איינגאַנג פון טויער, ביז אין דער פרי.

9 און עס איז געווען אין דער פרי, איז ער אַרויס־געגאַנגען, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט, און האָט געזאָגט צום גאַנצן פאָלק, איר זייט אומשולדיק; אָט האָב איך געמאַכט אַ בונט אַקעגן מיין האַר, און האָב אים געהרגעט. אָבער ווער האָט דערשלאָגן אַלע דידאָזיקע? 10 זייט וויסן דען, אַז גאָרנישט וועט פאַלן צו דער ערד פון דעם וואָרט פון גאָט וואָס גאָט האָט גערעדט אויף דעם הויז פון אַחְאָב; און גאָט האָט געטאָן וואָס ער האָט גערעדט דורך זיין קנעכט אֵלִיָהון.

11 און יֵהוּא האָט דערשלאָגן אַלע וואָס זיינען געבליבן פון אַחְאָבס הויז אין יִזרְעֶאל, און אַלע זיינע גרויסע לייט, און זיינע גוטע פריינט, און זיינע כּהנים, ביז ער האָט ניט געלאָזן פון אים אַן איבערבלייב.

12 און ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק, און איז געגאַנגען קיין שומרון. ווי ער איז ביים שערהויז פון די פּאַס־טוכער אונטערוועגנס, 13 אַזוי האָט יֵהוּא אָנגעטראָפן די ברידער פון אַחַזְיָהו דעם מלך פון יהודה, און ער האָט געזאָגט: ווער זייט איר? האָבן זיי געזאָגט: די ברידער פון אַחַזְיָהון זיינען מיר, און מיר האָבן אַראָפּגענידערט [צו פרעגן] אויף דעם פריד פון די קינדער פון מלך און די קינדער פון דער מוטער־מלכּה.

14 האָט ער געזאָגט: כאַפּט זיי לעבעדיקערהייט. און מע האָט זיי געכאַפּט לעבעדיקערהייט, און זיי געשאָכטן ביי דער גרוב פון דעם שערהויז, צוויי און פערציק מאַן. און ער האָט קיינעם פון זיי ניט איבערגעלאָזט.

15 און ווי ער איז אַוועקגעגאַנגען פון דאָרטן, אַזוי האָט ער אָנגעטראָפן יהוֹנָדָב דעם זון פון רֵכָבן[א] אים אַנטקעגן. האָט ער אים באַגריסט, און האָט צו אים געזאָגט: איז דיין האַרץ אויפריכטיק, אַזוי ווי מיין האַרץ איז צו דיין האַרצן? האָט יהוֹנָדָב געזאָגט: יאָ. [האָט יֵהוּא געזאָגט:] אויב יאָ, גיב דיין האַנט. האָט ער געגעבן זיין האַנט; און ער האָט אים אַרויפגענומען צו זיך אויפן רייטוואָגן. 16 און ער האָט געזאָגט: קום מיט מיר, און זע ווי איך נעם זיך אָן פון גאָטס וועגן. און מע האָט אים געפירט אין זיין רייטוואָגן.

17 און ער איז געקומען קיין שומרון, און האָט דערשלאָגן אַלע וואָס זיינען געבליבן פון אַחְאָבן אין שומרון, ביז

[א] זע ירמיה לה.

ער האָט אים פֿאַרטיליקט; אַזוי ווי דאָס וואָרט פֿון גאָט וואָס ער האָט גערעדט צו אֵלִיָהון.

18 און יֵהוא האָט אײַנגעזאַמלט דאָס גאַנצע פֿאָלק, און האָט צו זיי געזאָגט: אַחְאָב האָט געדינט בַּעַל אַ ביסל, יֵהוא וועט אים דינען פֿיל. 19 און אַצונד, רופֿט צו מיר אַלע נביאים פֿון בַּעַל, אַלע זײַנע דינער, און אַלע זײַנע כּהנים; קיינער זאָל ניט פֿעלן; וואָרום אַ גרויסע אָפּפֿער־שלאַכטונג צו בַּעַל איז בײַ מיר. קיינער וואָס וועט פֿעלן, וועט ניט בלײַבן לעבן.

און יֵהוא האָט דאָס געטאָן מיט באַטרוג, כּדי אונטערצוברענגען די דינער פֿון בַּעַל.

20 און יֵהוא האָט געזאָגט: הײליקט אַן אײַנזאַמלונג צו בַּעַל. האָבן זיי עס אויסגערופֿן. 21 און יֵהוא האָט געשיקט אין גאַנץ ישׂראל, און אַלע דינער פֿון בַּעַל זײַנען געקומען, און עס איז ניט געבליבן אַ מענטש וואָס איז ניט געקומען. און זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען אין הויז פֿון בַּעַל; און דאָס הויז פֿון בַּעַל איז געוואָרן אָנגעפֿילט פֿון עק צו עק.

22 האָט ער געזאָגט צו דעם מאַן וואָס איבער דער קליידערקאַמער: גיב אַרויס מלבושים צו אַלע דינער פֿון בַּעַל. און ער האָט זיי אַרויסגעגעבן די מלבושים.

23 און יֵהוא איז אַרײַנגעגאַנגען מיט יהוֹנָדָב דעם זון פֿון רֵכָבן אין הויז פֿון בַּעַל, און ער האָט געזאָגט צו די דינער פֿון בַּעַל: זוכט נאָך און זעט, אַז דאָ זאָל ניט זײַן מיט אײַך פֿון די קנעכט פֿון יהוה, נאָר בלויז בַּעַל־דינער אַליין. 24 און זיי זײַנען אַרײַנגעגאַנגען צו מאַכן שלאַכט־אָפּפֿער און בראַנדאָפּפֿער.

און יֵהוא האָט זיך געשטעלט דרויסן אַכציק מאַן, און אָנגעזאָגט: אויב עמיצער וועט אַנטרונען ווערן פֿון די מענטשן וואָס איך גיב איבער אויף אײַערע הענט, איז זײַן נפֿש פֿאַר יענעמס נפֿש.

25 און עס איז געווען, ווי ער האָט געענדיקט מאַכן דאָס בראַנדאָפּפֿער, אַזוי האָט יֵהוא געזאָגט צו די לויפֿערס און צו די הויפּטלײַט: גייט אַרײַן דערשלאָגט זיי; קיינער זאָל ניט אַרויס.

האָבן זיי זיי דערשלאָגן מיטן שאַרף פֿון שווערד; און די לויפֿערס און די הויפּטלײַט האָבן זיי אַרויסגעוואָרפֿן, און זײַנען אַוועקגעגאַנגען צו דער שטאָט פֿון בַּעַלס הויז. 26 און זיי האָבן אַרויסגענומען די זײַלשטיינער פֿון בַּעַלס הויז, און זיי פֿאַרברענט. 27 און זיי האָבן צעבראָכן דעם זײַלשטיין פֿון בַּעַל, און האָבן צעבראָכן דאָס הויז פֿון בַּעַל, און האָבן עס געמאַכט פֿאַר אָפּטריטן ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

28 און יֵהוא האָט פֿאַרטיליקט בַּעַל פֿון ישׂראל. 29 אָבער פֿון די זינד פֿון יָרָבְעָם דעם זון פֿון נבָטן, מיט וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל, פֿון הינטער זיי האָט זיך יֵהוא ניט אָפּגעקערט—פֿון די גילדערנע קעלבער וואָס אין בֵּית־אֵל און וואָס אין דָן.

30 און גאָט האָט געזאָגט צו יֵהוא: ווײַל דו האָסט זיך גוט באַנומען צו טאָן וואָס איז רעכטפֿאַרטיק אין מײַנע אויגן—געטאָן צו אַחְאָבס הויז אַזוי ווי אַלץ וואָס אין מײַן האַרצן, וועלן דײַנע קינדער פֿון פֿירטן דור זיצן אויף דעם טראָן פֿון ישׂראל.

אֶת־כָּל־הַנִּשְׁאָרִים לְאַחְאָב בְּשֹׁמְרוֹן עַד־הִשְׁמִדוֹ כִּדְבַר
יח יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר אֶל־אֵלִיָּהוּ׃ וַיִּקְבֹּץ יֵהוּא אֶת־כָּל־
הָעָם וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם אַחְאָב עָבַד אֶת־הַבַּעַל מְעָט יֵהוּא
יט יַעַבְדֶנּוּ הַרְבֵּה׃ וְעַתָּה כָל־נְבִיאֵי הַבַּעַל כָּל־עֹבְדָיו וְכָל־
כֹּהֲנָיו קִרְאוּ אֵלַי אִישׁ אַל־יִפָּקֵד כִּי זֶבַח גָּדוֹל לִי לַבַּעַל
כֹּל אֲשֶׁר־יִפָּקֵד לֹא יִחְיֶה וְיֵהוּא עָשָׂה בְעָקְבָּה לְמַעַן
כ הַאֲבִיד אֶת־עֹבְדֵי הַבָּעַל׃ וַיֹּאמֶר יֵהוּא קַדְּשׁוּ עֲצָרָה
כא לַבַּעַל וַיִּקְרָאוּ׃ וַיִּשְׁלַח יֵהוּא בְּכָל־יִשְׂרָאֵל וַיָּבֹאוּ כָּל־
עֹבְדֵי הַבַּעַל וְלֹא־נִשְׁאַר אִישׁ אֲשֶׁר לֹא־בָא וַיָּבֹאוּ בֵּית
כב הַבַּעַל וַיִּמָּלֵא בֵית־הַבַּעַל פֶּה לָפֶה׃ וַיֹּאמֶר לַאֲשֶׁר עַל־
הַמֶּלְתָּחָה הוֹצֵא לְבוּשׁ לְכֹל עֹבְדֵי הַבָּעַל וַיֹּצֵא לָהֶם
כג הַמַּלְבּוּשׁ׃ וַיָּבֹא יֵהוּא וִיהוֹנָדָב בֶּן־רֵכָב בֵּית הַבָּעַל
וַיֹּאמֶר לְעֹבְדֵי הַבַּעַל חַפְּשׂוּ וּרְאוּ פֶּן־יֶשׁ־פֹּה עִמָּכֶם מֵעַבְדֵי
כד יְהוָה כִּי אִם־עֹבְדֵי הַבַּעַל לְבַדָּם׃ וַיָּבֹאוּ לַעֲשׂוֹת זְבָחִים
וְעֹלוֹת וְיֵהוּא שָׂם־לוֹ בַחוּץ שְׁמֹנִים אִישׁ וַיֹּאמֶר הָאִישׁ
אֲשֶׁר־יִמָּלֵט מִן־הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר אֲנִי מֵבִיא עַל־יְדֵיכֶם נַפְשׁוֹ
כה תַּחַת נַפְשׁוֹ׃ וַיְהִי כְּכַלֹּתוֹ ׀ לַעֲשׂוֹת הָעֹלָה וַיֹּאמֶר יֵהוּא
לָרָצִים וְלַשָּׁלִשִׁים בֹּאוּ הַכּוּם אִישׁ אַל־יֵצֵא וַיַּכּוּם לְפִי־
חָרֶב וַיַּשְׁלִכוּ הָרָצִים וְהַשָּׁלִשִׁים וַיֵּלְכוּ עַד־עִיר בֵּית־
כו כז הַבָּעַל׃ וַיֹּצִאוּ אֶת־מַצְּבוֹת בֵּית־הַבַּעַל וַיִּשְׂרְפוּהָ׃ וַיִּתְּצוּ
אֵת מַצְּבַת הַבָּעַל וַיִּתְּצוּ אֶת־בֵּית־הַבַּעַל וַיְשִׂמֻהוּ
כח לְמַחֲרָאוֹת עַד־הַיּוֹם׃ וַיַּשְׁמֵד יֵהוּא אֶת־הַבַּעַל מִיִּשְׂרָאֵל׃
כט רַק חֲטָאֵי יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל לֹא־
סָר יֵהוּא מֵאַחֲרֵיהֶם עֶגְלֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר בֵּית־אֵל וַאֲשֶׁר
ל בְּדָן׃ וַיֹּאמֶר יְהוָה אֶל־יֵהוּא יַעַן אֲשֶׁר־הֱטִיבֹתָ
לַעֲשׂוֹת הַיָּשָׁר בְּעֵינַי כְּכֹל אֲשֶׁר בִּלְבָבִי עָשִׂיתָ לְבֵית
לא אַחְאָב בְּנֵי רְבִעִים יֵשְׁבוּ לְךָ עַל־כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל׃ וְיֵהוּא

כז׳ למוצאות קרי  כט׳ סבירין בבית

לֹא שָׁמַר לָלֶכֶת בְּתוֹרַת־יְהוָה אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל בְּכָל־
לְבָבוֹ לֹא סָר מֵעַל חַטֹּאות יָרָבְעָם אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־
יִשְׂרָאֵל׃ בַּיָּמִים הָהֵם הֵחֵל יְהוָה לְקַצּוֹת בְּיִשְׂרָאֵל וַיַּכֵּם לב
חֲזָאֵל בְּכָל־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל׃ מִן־הַיַּרְדֵּן מִזְרַח הַשֶּׁמֶשׁ אֵת לג
כָּל־אֶרֶץ הַגִּלְעָד הַגָּדִי וְהָרֻאוּבֵנִי וְהַמְנַשִּׁי מֵעֲרֹעֵר אֲשֶׁר
עַל־נַחַל אַרְנֹן וְהַגִּלְעָד וְהַבָּשָׁן׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יֵהוּא וְכָל־ לד
אֲשֶׁר עָשָׂה וְכָל־גְּבוּרָתוֹ הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר
דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב יֵהוּא עִם־אֲבֹתָיו לה
וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ בְּשֹׁמְרוֹן וַיִּמְלֹךְ יְהוֹאָחָז בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וְהַיָּמִים לו
אֲשֶׁר מָלַךְ יֵהוּא עַל־יִשְׂרָאֵל עֶשְׂרִים־וּשְׁמֹנֶה שָׁנָה בְּשֹׁמְרוֹן׃

## יא

וַעֲתַלְיָה אֵם אֲחַזְיָהוּ ורָאֲתָה כִּי מֵת בְּנָהּ וַתָּקָם וַתְּאַבֵּד א
אֵת כָּל־זֶרַע הַמַּמְלָכָה׃ וַתִּקַּח יְהוֹשֶׁבַע בַּת־הַמֶּלֶךְ־יוֹרָם ב
אֲחוֹת אֲחַזְיָהוּ אֶת־יוֹאָשׁ בֶּן־אֲחַזְיָה וַתִּגְנֹב אֹתוֹ מִתּוֹךְ
בְּנֵי־הַמֶּלֶךְ הַמְּמוֹתָתִים אֹתוֹ וְאֶת־מֵינִקְתּוֹ בַּחֲדַר הַמִּטּוֹת
וַיַּסְתִּרוּ אֹתוֹ מִפְּנֵי עֲתַלְיָהוּ וְלֹא הוּמָת׃ וַיְהִי אִתָּהּ בֵּית ג
יְהוָה מִתְחַבֵּא שֵׁשׁ שָׁנִים וַעֲתַלְיָה מֹלֶכֶת עַל־הָאָרֶץ׃
וּבַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית שָׁלַח יְהוֹיָדָע וַיִּקַּח ׀ אֶת־שָׂרֵי ד
הַמֵּאיוֹת לַכָּרִי וְלָרָצִים וַיָּבֵא אֹתָם אֵלָיו בֵּית יְהוָה וַיִּכְרֹת
לָהֶם בְּרִית וַיַּשְׁבַּע אֹתָם בְּבֵית יְהוָה וַיַּרְא אֹתָם אֶת־בֶּן־
הַמֶּלֶךְ׃ וַיְצַוֵּם לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר תַּעֲשׂוּן הַשְּׁלִשִׁית ה
מִכֶּם בָּאֵי הַשַּׁבָּת וְשֹׁמְרֵי מִשְׁמֶרֶת בֵּית הַמֶּלֶךְ׃ וְהַשְּׁלִשִׁית ו
בְּשַׁעַר סוּר וְהַשְּׁלִשִׁית בַּשַּׁעַר אַחַר הָרָצִים וּשְׁמַרְתֶּם
אֶת־מִשְׁמֶרֶת הַבַּיִת מַסָּח׃ וּשְׁתֵּי הַיָּדוֹת בָּכֶם כֹּל יֹצְאֵי ז
הַשַּׁבָּת וְשָׁמְרוּ אֶת־מִשְׁמֶרֶת בֵּית־יְהוָה אֶל־הַמֶּלֶךְ׃
וְהִקַּפְתֶּם עַל־הַמֶּלֶךְ סָבִיב אִישׁ וְכֵלָיו בְּיָדוֹ וְהַבָּא אֶל־ ח
הַשְּׂדֵרוֹת יוּמָת וִהְיוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ בְּצֵאתוֹ וּבְבֹאוֹ׃ וַיַּעֲשׂוּ ט

י, לא׳ למדינחאי חסר ו   יא, א׳ ראתה קרי   ב׳ המומתים קרי   ד׳ המאות קרי

[31] אָבער יֵהוּא האָט ניט געהיט צו גיין אין דער תּורה פֿון יהוה דעם גאָט פֿון ישׂראל מיט זיין גאַנצן האַרצן; ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט פֿון די זינד פֿון יָרָבעָמען, וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל.

[32] אין יענע טעג האָט גאָט אָנגעהויבן אָפּצוהאַקן פֿון ישׂראל. און חֲזָאֵל האָט זיי געשלאָגן אין גאַנצן געמאַרק פֿון ישׂראל: [33] פֿון יַרדן צו זונאויפֿגאַנג, דאָס גאַנצע לאַנד גִלעָד, די גָדים, און די ראובֵנים, און די מְנַשים, פֿון עֲרוֹעֵר וואָס בײַם טאָל אַרנוֹן–גִלעָד און בָשָן.

[34] און די איבעריקע זאַכן וועגן יֵהוּאן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, און זיין גאַנצע גבורהשאַפֿט, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פֿון די צייטגעשעענישן פֿון די מלכים פֿון ישׂראל.

[35] און יֵהוּא האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און מע האָט אים באַגראָבן אין שוֹמרוֹן. און זיין זון יהוֹאָחָז איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט. און די טעג וואָס יֵהוּא האָט געקיניגט איבער ישׂראל אין שוֹמרוֹן, זיינען געווען אַכט און צוואַנציק יאָר.

## יא

[1] און ווי עֲתַליָה די מוטער פֿון אַחַזיָהון האָט געזען אַז איר זון איז טויט, אַזוי איז זי אויפֿגעשטאַנען, און האָט אומגעבראַכט דעם גאַנצן קיניגלעכן אָפּשטאַם. [2] האָט יהוֹשֶבַע די טאָכטער פֿון מלך יוֹרָם, אַחַזיָהס שוועסטער, גענומען יוֹאָש דעם זון פֿון אַחַזיָהן, און האָט אים אַרויסגעגנבעט פֿון צווישן דעם מלכס קינדער וואָס האָבן געזאָלט געטייט ווערן, אים און זיין אַם, אין אַ שלאָפֿקאַמער; און מע האָט אים באַהאַלטן פֿון עֲתַליָהון, און ער איז ניט געטייט געוואָרן. [3] און ער איז געווען באַהאַלטן בײַ איר אין הויז פֿון גאָט זעקס יאָר. און עֲתַליָה האָט געקיניגט איבערן לאַנד.

[4] און אויפֿן זיבעטן יאָר האָט יהוֹיָדָע געשיקט און האָט גענומען די הויפּטלייט איבער די הונדערטן, פֿון די כָּרים און פֿון די לויפֿערס, און ער האָט זיי געבראַכט צו זיך אין הויז פֿון גאָט, און ער האָט מיט זיי געשלאָסן אַ בונד, און האָט זיי באַשוואָרן אין הויז פֿון גאָט, און זיי געוויזן דעם מלכס זון. [5] און ער האָט זיי באַפֿוילן, אַזוי צו זאָגן: דאָס איז די זאַך וואָס איר זאָלט טאָן: אַ דריטל פֿון אײַך, די וואָס קומען אַריין שבת און היטן די היטונג פֿון דעם מלכס הויז–[6] נאָך אַ דריטל איז געווען בײַם טויער סוּר, און אַ דריטל בײַם טויער הינטער די לויפֿערס–זאָלט היטן די היטונג פֿון פּאַלאַץ פֿאַר אַן אָפּצאַם. [7] און צוויי טיילן פֿון אײַך, אַלע וואָס גייען אַרויס שבת, זאָלן היטן די היטונג פֿון גאָטס הויז אַרום דעם מלך. [8] און איר זאָלט אַרומרינגלען דעם מלך רונד אַרום, איטלעכער מיט זיינע וואָפֿן אין זיין האַנט. און ווער עס קומט אַריין אין די רייען, זאָל געטייט ווערן. און זייט מיט דעם מלך בײַ זיין אַרויסגיין און בײַ זיין אַריינגיין.

שָׂרֵי הַמֵּאוֹת כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן וַיִּקְחוּ אִישׁ
אֶת־אֲנָשָׁיו בָּאֵי הַשַּׁבָּת עִם יֹצְאֵי הַשַּׁבָּת וַיָּבֹאוּ אֶל־יְהוֹיָדָע
י הַכֹּהֵן׃ וַיִּתֵּן הַכֹּהֵן לְשָׂרֵי הַמֵּאוֹת אֶת־הַחֲנִית וְאֶת־
יא הַשְּׁלָטִים אֲשֶׁר לַמֶּלֶךְ דָּוִד אֲשֶׁר בְּבֵית יְהוָה׃ וַיַּעַמְדוּ
הָרָצִים אִישׁ ׀ וְכֵלָיו בְּיָדוֹ מִכֶּתֶף הַבַּיִת הַיְמָנִית עַד־כֶּתֶף
יב הַבַּיִת הַשְּׂמָאלִית לַמִּזְבֵּחַ וְלַבָּיִת עַל־הַמֶּלֶךְ סָבִיב׃ וַיּוֹצִא
אֶת־בֶּן־הַמֶּלֶךְ וַיִּתֵּן עָלָיו אֶת־הַנֵּזֶר וְאֶת־הָעֵדוּת וַיַּמְלִכוּ
אֹתוֹ וַיִּמְשָׁחֻהוּ וַיַּכּוּ־כָף וַיֹּאמְרוּ יְחִי הַמֶּלֶךְ׃
יג וַתִּשְׁמַע עֲתַלְיָה אֶת־קוֹל הָרָצִין הָעָם וַתָּבֹא אֶל־הָעָם בֵּית
יד יְהוָה׃ וַתֵּרֶא וְהִנֵּה הַמֶּלֶךְ עֹמֵד עַל־הָעַמּוּד כַּמִּשְׁפָּט
וְהַשָּׂרִים וְהַחֲצֹצְרוֹת אֶל־הַמֶּלֶךְ וְכָל־עַם הָאָרֶץ שָׂמֵחַ
וְתֹקֵעַ בַּחֲצֹצְרוֹת וַתִּקְרַע עֲתַלְיָה אֶת־בְּגָדֶיהָ וַתִּקְרָא קֶשֶׁר
טו קָשֶׁר׃ וַיְצַו יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן אֶת־שָׂרֵי הַמֵּאוֹת ׀ פְּקֻדֵי הַחַיִל
וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם הוֹצִיאוּ אֹתָהּ אֶל־מִבֵּית לַשְּׂדֵרֹת וְהַבָּא
אַחֲרֶיהָ הָמֵת בֶּחָרֶב כִּי אָמַר הַכֹּהֵן אַל־תּוּמַת בֵּית יְהוָה׃
טז וַיָּשִׂמוּ לָהּ יָדַיִם וַתָּבוֹא דֶּרֶךְ־מְבוֹא הַסּוּסִים בֵּית הַמֶּלֶךְ
יז וַתּוּמַת שָׁם׃ *וַיִּכְרֹת יְהוֹיָדָע אֶת־הַבְּרִית בֵּין יְהוָה
וּבֵין הַמֶּלֶךְ וּבֵין הָעָם לִהְיוֹת לְעָם לַיהוָה וּבֵין הַמֶּלֶךְ וּבֵין
יח הָעָם׃ וַיָּבֹאוּ כָל־עַם הָאָרֶץ בֵּית־הַבַּעַל וַיִּתְּצֻהוּ אֶת־
מִזְבְּחֹתָו וְאֶת־צְלָמָיו שִׁבְּרוּ הֵיטֵב וְאֵת מַתָּן כֹּהֵן הַבַּעַל
הָרְגוּ לִפְנֵי הַמִּזְבְּחוֹת וַיָּשֶׂם הַכֹּהֵן פְּקֻדֹּת עַל־בֵּית יְהוָה׃
יט וַיִּקַּח אֶת־שָׂרֵי הַמֵּאוֹת וְאֶת־הַכָּרִי וְאֶת־הָרָצִים וְאֵת ׀ כָּל־
עַם הָאָרֶץ וַיֹּרִידוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ מִבֵּית יְהוָה וַיָּבוֹאוּ דֶּרֶךְ־
כ שַׁעַר הָרָצִים בֵּית הַמֶּלֶךְ וַיֵּשֶׁב עַל־כִּסֵּא הַמְּלָכִים׃ וַיִּשְׂמַח
כָּל־עַם־הָאָרֶץ וְהָעִיר שָׁקָטָה וְאֶת־עֲתַלְיָהוּ הֵמִיתוּ בַחֶרֶב
בֵּית *מֶּלֶךְ׃

ט׳ י׳ המאות קרי   יב׳ קמץ בז״ק   טו׳ המאות קרי
יז׳ הפטרת פ׳ שקלים   יח׳ מזבחותיו קרי   יט׳ כ״א מלך כתוב המלך קרי
כ׳ המלך קרי ונ״א כן כתוב וקרי

9 האָבן די הויפּטלייט פֿון די הונדערטן געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס יהוֹיָדָע דער כֹּהן האָט באַפֿוילן, און זיי האָבן גענומען איטלעכער זיינע מענטשן, די וואָס קומען אַריין שבת, מיט די וואָס גייען אַרויס שבת, און זיי זיינען געקומען צו יהוֹיָדָע דעם כֹּהן. 10 און דער כֹּהן האָט געגעבן די הויפּטלייט פֿון די הונדערטן די שפּיזן און די שילדן וואָס פֿון מלך דוד, וואָס אין הויז פֿון גאָט. 11 און די לויפֿערס האָבן זיך געשטעלט איטלעכער מיט זיינע וואָפֿן אין זיין האַנט, פֿון דער רעכטער זייט פֿון הויז ביז דער לינקער זייט פֿון הויז, ביים מזבח, און ביים הויז, לעבן מלך רונד אַרום. 12 און ער האָט אַרויסגעפֿירט דעם מלכס זון, און האָט אָנגעטאָן אויף אים די קרוין און די [קיניגלעכע] צייכנס; און זיי האָבן אים געמאַכט פֿאַר אַ מלך, און האָבן אים געזאַלבט; און זיי האָבן געקלאַפּט די הענט, און גע־זאָגט: לעבן זאָל דער מלך!

13 און עֲתַלְיָה האָט געהערט דעם קָול פֿון די לויפֿערס און דעם פֿאָלק, און זי איז געקומען צו דעם פֿאָלק אין הויז פֿון גאָט. 14 און זי האָט געזען, ערשט דער מלך שטייט אויף דער בימה, אַזוי ווי דער שטייגער, און די האַרן און די טרומייטערס לעבן מלך, און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון לאַנד פֿרייט זיך, און בלאָזט אין טרומייטן; האָט עֲתַלְיָה צעריסן אירע קליידער, און האָט אויסגערופֿן: אַ בונט! אַ בונט!

15 האָט יהוֹיָדָע דער כֹּהן באַפֿוילן די הויפּטלייט פֿון די הונדערטן, די אויפֿזעער פֿון חיל, און ער האָט צו זיי געזאָגט: פֿירט זי אַרויס ביז אינעווייניק פֿון די רייען; און דעם וואָס גייט איר נאָך, טייט מיטן שווערד. וואָרום דער כֹּהן האָט געזאָגט: זי זאָל ניט געטייט ווערן אין הויז פֿון גאָט.

16 האָבן זיי געמאַכט פֿאַר איר אָרט, און זי איז אַריינגעגאַנגען דורך דעם פֿערדאַיינגאַנג אין מלכס הויז, און איז דאָרטן געטייט געוואָרן.

17 און יהוֹיָדָע האָט געשלאָסן אַ בונד צווישן יהוה און צווישן דעם מלך און דעם פֿאָלק, צו זיין דאָס פֿאָלק פֿון יהוה; אויך צווישן דעם מלך און צווישן דעם פֿאָלק. 18 און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון לאַנד איז אַריינגעגאַנגען אין הויז פֿון בַּעַל, און זיי האָבן עס איינגעוואָרפֿן; זיינע מזבחות און זיינע בילדער האָבן זיי גוט צעבראָכן, און מַתָּן דעם כֹּהן פֿון בַּעַל האָבן זיי געהרגעט פֿאַר די מזבחות.

און דער כֹּהן האָט געמאַכט אויפֿזעער איבער דעם הויז פֿון גאָט. 19 און ער האָט גענומען די הויפּטלייט פֿון די הונדערטן, און די כָּרים, און די לויפֿערס, און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון לאַנד, און זיי האָבן אַראָפּגעבראַכט דעם מלך פֿון גאָטס הויז, און זיי זיינען אַריינגעגאַנגען דורך דעם טויער פֿון די לויפֿערס אין מלכס הויז. און ער האָט זיך גע־זעצט אויפֿן טראָן פֿון די מלכים. 20 און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון לאַנד האָט זיך געפֿרייט, און די שטאָט איז געווען רואיק. און עֲתַלְיָהון האָבן זיי געטייט מיטן שווערד אין מלכס הויז.

יב

א ב בֶּן־שֶׁבַע שָׁנִים יְהוֹאָשׁ בְּמָלְכוֹ׃ בִּשְׁנַת־שֶׁבַע לְיֵהוּא מָלַךְ
יְהוֹאָשׁ וְאַרְבָּעִים שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָ͏ִם וְשֵׁם אִמּוֹ צִבְיָה
ג מִבְּאֵר שָׁבַע׃ וַיַּעַשׂ יְהוֹאָשׁ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה כָּל־יָמָיו
ד אֲשֶׁר הוֹרָהוּ יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן׃ רַק הַבָּמוֹת לֹא־סָרוּ עוֹד
ה הָעָם מְזַבְּחִים וּמְקַטְּרִים בַּבָּמוֹת׃ וַיֹּאמֶר יְהוֹאָשׁ אֶל־
הַכֹּהֲנִים כֹּל כֶּסֶף הַקֳּדָשִׁים אֲשֶׁר יוּבָא בֵית־יְהוָה כֶּסֶף
עוֹבֵר אִישׁ כֶּסֶף נַפְשׁוֹת עֶרְכּוֹ כָּל־כֶּסֶף אֲשֶׁר יַעֲלֶה עַל
ו לֶב־אִישׁ לְהָבִיא בֵּית יְהוָה׃ יִקְחוּ לָהֶם הַכֹּהֲנִים אִישׁ
מֵאֵת מַכָּרוֹ וְהֵם יְחַזְּקוּ אֶת־בֶּדֶק הַבַּיִת לְכֹל אֲשֶׁר־יִמָּצֵא
ז שָׁם בָּדֶק׃ וַיְהִי בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים וְשָׁלֹשׁ שָׁנָה לַמֶּלֶךְ
ח יְהוֹאָשׁ לֹא־חִזְּקוּ הַכֹּהֲנִים אֶת־בֶּדֶק הַבָּיִת׃ וַיִּקְרָא הַמֶּלֶךְ
יְהוֹאָשׁ לִיהוֹיָדָע הַכֹּהֵן וְלַכֹּהֲנִים וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם מַדּוּעַ
אֵינְכֶם מְחַזְּקִים אֶת־בֶּדֶק הַבָּיִת וְעַתָּה אַל־תִּקְחוּ־כֶסֶף
ט מֵאֵת מַכָּרֵיכֶם כִּי־לְבֶדֶק הַבַּיִת תִּתְּנֻהוּ׃ וַיֵּאֹתוּ הַכֹּהֲנִים
לְבִלְתִּי קְחַת־כֶּסֶף מֵאֵת הָעָם וּלְבִלְתִּי חַזֵּק אֶת־בֶּדֶק
י הַבָּיִת׃ וַיִּקַּח יְהוֹיָדָע הַכֹּהֵן אֲרוֹן אֶחָד וַיִּקֹּב חֹר בְּדַלְתּוֹ
וַיִּתֵּן אֹתוֹ אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ בַּיָּמִין בְּבוֹא־אִישׁ בֵּית יְהוָה
וְנָתְנוּ־שָׁמָּה הַכֹּהֲנִים שֹׁמְרֵי הַסַּף אֶת־כָּל־הַכֶּסֶף הַמּוּבָא
יא בֵית־יְהוָה׃ וַיְהִי כִּרְאוֹתָם כִּי־רַב הַכֶּסֶף בָּאָרוֹן וַיַּעַל
סֹפֵר הַמֶּלֶךְ וְהַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וַיָּצֻרוּ וַיִּמְנוּ אֶת־הַכֶּסֶף הַנִּמְצָא
יב בֵית־יְהוָה׃ וְנָתְנוּ אֶת־הַכֶּסֶף הַמְתֻכָּן עַל־יַד* עֹשֵׂי הַמְּלָאכָה
הַ*פְּקֻדִים בֵּית יְהוָה וַיּוֹצִיאֻהוּ לְחָרָשֵׁי הָעֵץ וְלַבֹּנִים
יג הָעֹשִׂים בֵּית יְהוָה׃ וְלַגֹּדְרִים וּלְחֹצְבֵי הָאֶבֶן וְלִקְנוֹת
עֵצִים וְאַבְנֵי מַחְצֵב לְחַזֵּק אֶת־בֶּדֶק בֵּית־יְהוָה וּלְכֹל
יד אֲשֶׁר־יֵצֵא עַל־הַבַּיִת לְחָזְקָה׃ אַךְ לֹא יֵעָשֶׂה בֵּית יְהוָה
סִפּוֹת כֶּסֶף מְזַמְּרוֹת מִזְרָקוֹת חֲצֹצְרוֹת כָּל־כְּלִי זָהָב וּכְלִי־

א׳ יש מתחילין כאן   י׳ מימין קרי   יב׳ ידי קרי   המפקדים קרי

יב 1 זיבן יאָר איז יהוֹאָש אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך. 2 אין זיבעטן יאָר פון יֵהוּא איז יהוֹאָש געוואָרן מלך, און פערציק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם, און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען צִבְיָה פון בְּאֵר־שֶׁבַע.

3 און יהוֹאָש האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט אַלע זיינע טעג, אַזוי ווי יהוֹיָדָע דער כהן האָט אים געלערנט. 4 נאָר די בָּמות זיינען ניט אָפּגעטאָן געוואָרן; דאָס פאָלק האָט נאָך אַלץ געשלאַכט און גערייכערט אויף די בָּמות.

5 און יהוֹאָש האָט געזאָגט צו די כּהנים: אַלדאָס געהייליקטע זילבער וואָס ווערט געבראַכט אין גאָטס הויז אין גאַנגבאַרן געלט, דאָס געלט פאַר נפשות לויט איטלעכנס אָפּשאַצונג, אַלדאָס געלט וואָס עמיצן קומט אַרויף אויפן האַרצן צו ברענגען אין הויז פון גאָט, 6 זאָלן די כּהנים נעמען פאַר זיך, איטלעכער פון זיין געבער; און זיי זאָלן פאַרריכטן די צעבראָכענע ערטער פון הויז, וווּ נאָר אַ צעבראָכענער אָרט וועט זיך דאָרטן געפינען.

7 אָבער עס איז געווען אין דריי און צוואַנציקסטן יאָר פון מלך יהוֹאָש, האָבן די כּהנים נאָך ניט געהאַט פאַרריכט די צעבראָכענע ערטער פון הויז. 8 האָט דער מלך יהוֹאָש גערופן יהוֹיָדָע דעם כהן, און די [אַנדערע] כּהנים, און ער האָט צו זיי געזאָגט: פאַרוואָס פאַרריכט איר ניט די צעבראָכענע ערטער פון הויז? און אַצונד, זאָלט איר מער ניט נעמען קיין געלט פון אייערע געבער, נייערט אויף די צעבראָכענע ערטער פון הויז זאָלט איר עס אָפּגעבן.

9 האָבן די כּהנים איינגעוויליקט, ניט צו נעמען דאָס געלט פון דעם פאָלק, און ניט צו פאַרריכטן די צעבראָכענע ערטער פון הויז.

10 און יהוֹיָדָע דער כהן האָט גענומען אַ קאַסטן, און האָט אויסגעשניטן אַ לאָך אין זיין טירל, און האָט אים אַוועקגעשטעלט לעבן מזבח, אויף דער רעכטער זייט ווי מע קומט אַריין אין הויז פון גאָט; און אַהין פלעגן די כּהנים וואָס היטן די שוועל, אַריינטאָן דאָס גאַנצע געלט וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין הויז פון גאָט. 11 און עס איז געווען, ווי זיי האָבן געזען אַז אין קאַסטן איז דאָ פיל געלט, אַזוי איז אַרויפגעקומען דער שרייבער פון מלך, און דער כּהן־גָדול, און זיי האָבן איינגעבונדן און איבערגעציילט דאָס געלט וואָס האָט זיך געפונען אין הויז פון גאָט. 12 און זיי פלעגן איבערגעבן דאָס אויסגעציילטע געלט אין די הענט פון די ווערקמייסטערס וואָס זיינען געווען געשטעלט איבער דעם הויז פון גאָט; און זיי האָבן עס אויסגעצאָלט צו די האָלצמייסטערס און צו די בוימייסטערס וואָס האָבן געאַרבעט אין הויז פון גאָט, 13 און צו די מויערער, און צו די שטיינהעקער, און אויף צו קויפן האָלץ און געהאַקטע שטיינער, צו פאַרריכטן די צעבראָכענע ערטער פון גאָטס הויז, און אויף אַלץ וואָס איז אַוועקגעגאַנגען אויפן הויז, צום פאַרריכטן.

14 אָבער קיין זילבערנע בעקנס, שנייצמעסערס, שפּרענגבעקנס, טרומייטן, קיין שום גילדערנע כּלי און זילבערנע

כלי, פלעגט ניט געמאַכט ווערן פאַר דעם הויז פון גאָט פון דעם געלט וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין הויז פון גאָט. [15] נייערט צו די ווערקמייסטערס פלעגט מען עס געבן, און זיי פלעגן דערמיט פאַרריכטן דאָס הויז פון גאָט. [16] און מע פלעגט זיך ניט רעכענען מיט די מענטשן וואָס מע פלעגט געבן דאָס געלט אויף זייער האַנט, אויף צו געבן צו די בעל־מלאָכהס, נייערט אויף נאמנות האָבן זיי געאַרבעט.

[17] דאָס געלט פון שולדאָפּפער און דאָס געלט פון זינדאָפּפער פלעגט ניט געבראַכט ווערן אין הויז פון גאָט; דאָס פלעגט געהערן צו די כּהנים.

[18] דענסמאָל איז אַרויפגעגאַנגען חֲזָאֵל דער מלך פון אֲרָם, און האָט געהאַלטן מלחמה אויף גַת, און האָט זי באַצוווּנגען. און חֲזָאֵל האָט געקערט זיין פּנים אַרויפצו־גיין אויף ירושָלַיִם.

[19] האָט יהוֹאָש דער מלך פון יהודה גענומען אַלע הייליקע זאַכן וואָס יהוֹשָפָט, און יהוֹרָם, און אֲחַזְיָהוּ, זיינע עלטערן, די מלכים פון יהודה, האָבן געהייליקט, און זיינע אייגענע געהייליקטע זאַכן, און דאָס גאַנצע גאָלד וואָס האָט זיך געפונען אין די שאַצקאַמערן פון גאָטס הויז און פון מלכס הויז, און ער האָט עס אַוועקגעשיקט צו חֲזָאֵל דעם מלך פון אֲרָם. און ער האָט אָפּגעצויגן פון ירושָלַיִם.

[20] און די איבעריקע זאַכן וועגן יוֹאָשן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון יהודה.

טו כֶסֶף מִן־הַכֶּסֶף הַמּוּבָא בֵית־יְהוָה׃ כִּי־לְעֹשֵׂי הַמְּלָאכָה
טז יִתְּנֻהוּ וְחִזְּקוּ־בוֹ אֶת־בֵּית יְהוָה׃ וְלֹא יְחַשְּׁבוּ אֶת־
הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר יִתְּנוּ אֶת־הַכֶּסֶף עַל־יָדָם לָתֵת לְעֹשֵׂי
יז הַמְּלָאכָה כִּי בֶאֱמֻנָה הֵם עֹשִׂים׃ כֶּסֶף אָשָׁם וְכֶסֶף חַטָּאוֹת
יח לֹא יוּבָא בֵּית יְהוָה לַכֹּהֲנִים יִהְיוּ׃ אָז יַעֲלֶה חֲזָאֵל
מֶלֶךְ אֲרָם וַיִּלָּחֶם עַל־גַּת וַיִּלְכְּדָהּ וַיָּשֶׂם חֲזָאֵל פָּנָיו לַעֲלוֹת
יט עַל־יְרוּשָׁלִָם׃ וַיִּקַּח יְהוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יְהוּדָה אֵת כָּל־הַקֳּדָשִׁים
אֲשֶׁר־הִקְדִּישׁוּ יְהוֹשָׁפָט וִיהוֹרָם וַאֲחַזְיָהוּ אֲבֹתָיו מַלְכֵי
יְהוּדָה וְאֶת־קֳדָשָׁיו וְאֵת כָּל־הַזָּהָב הַנִּמְצָא בְּאֹצְרוֹת בֵּית־
יְהוָה וּבֵית הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁלַח לַחֲזָאֵל מֶלֶךְ אֲרָם וַיַּעַל מֵעַל
כ יְרוּשָׁלִָם׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יוֹאָשׁ וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלוֹא־הֵם
כא כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיָּקֻמוּ
עֲבָדָיו וַיִּקְשְׁרוּ־קָשֶׁר וַיַּכּוּ אֶת־יוֹאָשׁ בֵּית מִלֹּא הַיֹּרֵד
כב סִלָּא׃ וְיוֹזָבָד בֶּן־שִׁמְעָת וִיהוֹזָבָד בֶּן־שֹׁמֵר ׀ עֲבָדָיו הִכֻּהוּ
וַיָּמֹת וַיִּקְבְּרוּ אֹתוֹ עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד וַיִּמְלֹךְ אֲמַצְיָה
בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

יג

א בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים וְשָׁלֹשׁ שָׁנָה לְיוֹאָשׁ בֶּן־אֲחַזְיָהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה
מָלַךְ יְהוֹאָחָז בֶּן־יֵהוּא עַל־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן שְׁבַע עֶשְׂרֵה
ב שָׁנָה׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה וַיֵּלֶךְ אַחַר חַטֹּאת יָרָבְעָם
ג בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר־הֶחֱטִא אֶת־יִשְׂרָאֵל לֹא־סָר מִמֶּנָּה׃ וַיִּחַר־
אַף יְהוָה בְּיִשְׂרָאֵל וַיִּתְּנֵם בְּיַד ׀ חֲזָאֵל מֶלֶךְ־אֲרָם וּבְיַד
ד בֶּן־הֲדַד בֶּן־חֲזָאֵל כָּל־הַיָּמִים׃ וַיְחַל יְהוֹאָחָז אֶת־פְּנֵי יְהוָה
וַיִּשְׁמַע אֵלָיו יְהוָה כִּי רָאָה אֶת־לַחַץ יִשְׂרָאֵל כִּי־לָחַץ
ה אֹתָם מֶלֶךְ אֲרָם׃ וַיִּתֵּן יְהוָה לְיִשְׂרָאֵל מוֹשִׁיעַ וַיֵּצְאוּ
מִתַּחַת יַד־אֲרָם וַיֵּשְׁבוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל בְּאָהֳלֵיהֶם כִּתְמוֹל
ו שִׁלְשׁוֹם׃ אַךְ לֹא־סָרוּ מֵחַטֹּאת בֵּית־יָרָבְעָם אֲשֶׁר־הֶחֱטִי*

יב, י׳ עכ    כב׳ בס״א ויוזכר    יג, ו׳ החטיא קרי

[21] און זיינע קנעכט זיינען אויפגעשטאַנען און האָבן געבונטעוועט אַ בונט, און האָבן דערשלאָגן יוֹאָשן אין בֵּית־מִלּוֹא, וואָס נידערט אַראָפּ צו סִלָּא. [22] יוֹזָכָר דער זון פון שִמְעָתן, און יְהוֹזָבָד דער זון פון שוֹמֵרן, זיינע קנעכט, האָבן אים געשלאָגן, און ער איז געשטאָרבן. און מע האָט אים באַגראָבן לעבן זיינע עלטערן אין דודס־שטאָט. און זיין זון אֲמַצְיָה איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

יג [1] אין דריי און צוואַנציקסטן יאָר פון יוֹאָש דעם זון פון אֲחַזְיָהוּן, דעם מלך פון יהודה, איז יְהוֹאָחָז דער זון פון יֵהוּאן געוואָרן מלך איבער ישׂראל אין שומרון, [און האָט געקיניגט] זיבעצן יאָר. [2] און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, און איז געגאַנגען נאָך די זינד פון יָרָבְעָם דעם זון פון נְבָטן, וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל; ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט דערפון. [3] און דער צאָרן פון גאָט האָט געגרימט אויף ישׂראל, און ער האָט זיי געגעבן אין דער האַנט פון חֲזָאֵל דעם מלך פון אֲרָם, און אין דער האַנט פון בֶּן־הֲדַד דעם זון פון חֲזָאֵלן, אַלע טעג.

[4] האָט יְהוֹאָחָז געבעטן צו גאָט, און גאָט האָט צוגעהערט צו אים, וואָרום ער האָט געזען די דריקונג פון ישׂראל, אַז דער מלך פון אֲרָם האָט זיי געדריקט — [5] און גאָט האָט געגעבן ישׂראל אַ העלפער, און זיי זיינען אַרויס פון אונטער דער האַנט פון אֲרָם; און די קינדער פון ישׂראל זיינען געזעסן אין זייערע געצעלטן אַזוי ווי נעכטן־אייערנעכטן. [6] אָבער זיי האָבן זיך ניט אָפּגעקערט פון די זינד פון דעם הויז פון יָרָבְעָמען, וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל; זיי זיינען

אֶת־יִשְׂרָאֵל בָּהּ הָלָךְ וְגַם הָאֲשֵׁרָה עָמְדָה בְּשֹׁמְרוֹן׃ כִּי ז
לֹא הִשְׁאִיר לִיהוֹאָחָז עָם כִּי אִם־חֲמִשִּׁים פָּרָשִׁים וַעֲשָׂרָה
רֶכֶב וַעֲשֶׂרֶת אֲלָפִים רַגְלִי כִּי אִבְּדָם מֶלֶךְ אֲרָם וַיְשִׂמֵם
כֶּעָפָר לָדֻשׁ׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יְהוֹאָחָז וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה וּגְבוּרָתוֹ ח
הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃
וַיִּשְׁכַּב יְהוֹאָחָז עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרֻהוּ בְּשֹׁמְרוֹן וַיִּמְלֹךְ יוֹאָשׁ ט
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים וָשֶׁבַע שָׁנָה לְיוֹאָשׁ מֶלֶךְ י
יְהוּדָה מָלַךְ יְהוֹאָשׁ בֶּן־יְהוֹאָחָז עַל־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן שֵׁשׁ
עֶשְׂרֵה שָׁנָה׃ וַיַּעֲשֶׂה הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לֹא סָר מִכָּל־ יא
חַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר־הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל בָּהּ
הָלָךְ׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יוֹאָשׁ וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה וּגְבוּרָתוֹ אֲשֶׁר יב
נִלְחַם עִם אֲמַצְיָה מֶלֶךְ־יְהוּדָה הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־
סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב יוֹאָשׁ עִם־ יג
אֲבֹתָיו וְיָרָבְעָם יָשַׁב עַל־כִּסְאוֹ וַיִּקָּבֵר יוֹאָשׁ בְּשֹׁמְרוֹן עִם
מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וֶאֱלִישָׁע חָלָה אֶת־חָלְיוֹ אֲשֶׁר יָמוּת יד
בּוֹ וַיֵּרֶד אֵלָיו יוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַיֵּבְךְּ עַל־פָּנָיו וַיֹּאמַר
אָבִי ׀ אָבִי רֶכֶב יִשְׂרָאֵל וּפָרָשָׁיו׃ וַיֹּאמֶר לוֹ אֱלִישָׁע קַח טו
קֶשֶׁת וְחִצִּים וַיִּקַּח אֵלָיו קֶשֶׁת וְחִצִּים׃ וַיֹּאמֶר ׀ לְמֶלֶךְ טז
יִשְׂרָאֵל הַרְכֵּב יָדְךָ עַל־הַקֶּשֶׁת וַיַּרְכֵּב יָדוֹ וַיָּשֶׂם אֱלִישָׁע
יָדָיו עַל־יְדֵי הַמֶּלֶךְ׃ וַיֹּאמֶר פְּתַח הַחַלּוֹן קֵדְמָה וַיִּפְתָּח יז
וַיֹּאמֶר אֱלִישָׁע יְרֵה וַיּוֹר וַיֹּאמֶר חֵץ־תְּשׁוּעָה לַיהוָה וְחֵץ
תְּשׁוּעָה בַאֲרָם וְהִכִּיתָ אֶת־אֲרָם בַּאֲפֵק עַד־כַּלֵּה׃ וַיֹּאמֶר יח
קַח הַחִצִּים וַיִּקָּח וַיֹּאמֶר לְמֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל הַךְ־אַרְצָה וַיַּךְ
שָׁלֹשׁ־פְּעָמִים וַיַּעֲמֹד׃ וַיִּקְצֹף עָלָיו אִישׁ הָאֱלֹהִים וַיֹּאמֶר יט
לְהַכּוֹת חָמֵשׁ אוֹ־שֵׁשׁ פְּעָמִים אָז הִכִּיתָ אֶת־אֲרָם עַד־
כַּלֵּה וְעַתָּה שָׁלֹשׁ פְּעָמִים תַּכֶּה אֶת־אֲרָם׃
וַיָּמָת אֱלִישָׁע וַיִּקְבְּרֻהוּ וּגְדוּדֵי מוֹאָב יָבֹאוּ בָאָרֶץ בָּא כ

יא׳ מלא ו

געגאַנגען דערין; און אויך די אֲשֵׁרָה איז געבליבן שטיין אין שומרון.— 7 וואָרום ער האָט ניט איבערגעלאָזן יהואָחָזן קיין מאַנשאַפט, נאָר בלויז פופציק רייטער, און צען רייטוועגן, און צען טויזנט פוסגייער. ווייל דער מלך פון אֲרָם האָט זיי אומגעבראַכט, און זיי געמאַכט אַזוי ווי שטויב צום טרעטן.

8 און די איבעריקע זאַכן וועגן יהואָחָזן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, און זיין גבורהשאַפט, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון ישׂראל.

9 און יהואָחָז האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און מע האָט אים באַגראָבן אין שומרון. און זיין זון יואָש איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

10 אין זיבן און דרייסיקסטן יאָר פון יואָש דעם מלך פון יהודה איז יהואָש דער זון פון יהואָחָזן געוואָרן מלך איבער ישׂראל אין שומרון, [און האָט געקיניגט] זעכצן יאָר. 11 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט; ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון אַלע זינד פון יָרָבְעָם דעם זון פון נְבָטן, וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל; ער איז געגאַנגען דערין.

12 און די איבעריקע זאַכן וועגן יואָשן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, און זיין גבורהשאַפט, ווי ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט אֲמַצְיָה דעם מלך פון יהודה, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון ישׂראל.

13 און יואָש האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן; און יָרָבְעָם האָט זיך געזעצט אויף זיין טראָן. און יואָש איז באַגראָבן געוואָרן אין שומרון לעבן די מלכים פון ישׂראל.

14 און אֱלִישָׁע איז קראַנק געוואָרן אויף דער קראַנקשאַפט וואָס ער האָט געזאָלט פון איר שטאַרבן; און יואָש דער מלך פון ישׂראל האָט אַראָפּגענידערט צו אים, און ער האָט געוויינט אויף זיין פּנים, און האָט געזאָגט: פאָטער מיינער, פאָטער מיינער, רייטוועגן און רייטער פון ישׂראל!

15 האָט אֱלִישָׁע צו אים געזאָגט: ברענג אַ בויגן און פיילן. האָט ער אים געבראַכט אַ בויגן און פיילן. 16 האָט ער געזאָגט צו דעם מלך פון ישׂראל: לייג אַרויף דיין האַנט אויפן בויגן. האָט ער אַרויפגעלייגט זיין האַנט, און אֱלִישָׁע האָט אַרויפגעטאָן זיינע הענט אויף די הענט פון מלך. 17 און ער האָט געזאָגט: עפן דעם פענצטער צו מזרח; האָט ער געעפנט. האָט אֱלִישָׁע געזאָגט: שיס; און ער האָט געשאָסן. האָט ער געזאָגט: אַ פייל פון ישועה פון גאָט, און אַ פייל פון ישועה אַקעגן אֲרָם; און וועסט שלאָגן אֲרָם אין אֲפֵק ביז צום פאַרלענדן.

18 און ער האָט געזאָגט: נעם די פיילן; און ער האָט זיי גענומען. האָט ער געזאָגט צו דעם מלך פון ישׂראל: שלאָג אָן דער ערד; און ער האָט געשלאָגן דריי מאָל און האָט זיך אָפּגעשטעלט.

19 האָט געצערנט אויף אים דער געטלעכער מאַן, און האָט געזאָגט: געזאָלט שלאָגן פינף אָדער זעקס מאָל; דענסטמאָל וואָלסטו געשלאָגן אֲרָם ביז צום פאַרלענדן; אָבער אַצונד וועסטו נאָר דריי מאָל שלאָגן אֲרָם.

20 און אֱלִישָׁע איז געשטאָרבן, און מע האָט אים באַגראָבן.

און באַנדעס פון מואָב פלעגן קומען אין לאַנד ביים אָנקום פון יאָר. [21] און עס איז געווען, מע באַגראָבט אַזוי אַ מענטשן, ערשט זיי דערזעען אַ באַנדע. האָבן זיי אַרייַנגעוואָרפן דעם מאַן אין אֱלישָעס קבר. און דער מאַן האָט זיך געקייקלט ביז ער האָט זיך אָנגערירט אָן אֱלישָעס ביינער, און איז לעבעדיק געוואָרן, און האָט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס.

[22] און חֲזָאֵל דער מלך פון אַרָם האָט געדריקט ישראל אַלע טעג פון יהואָחָזן. [23] אָבער גאָט האָט זיי געלייטזעליקט און זיך דערבאַרימט אויף זיי, און האָט זיך צוגעקערט צו זיי פון וועגן זיין בונד מיט אַברהם, יצחק, און יעקב, און ער האָט זיי ניט געוואָלט אומברענגען, און האָט זיי ניט אַוועקגעוואָרפן פון זיין פנים ביז אַצונד.

[24] און חֲזָאֵל דער מלך פון אַרָם איז געשטאָרבן, און זיין זון בֶּן־הֲדַד איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

[25] און יהואָש דער זון פון יהואָחָזן האָט צוריקגעקערט פון דער האַנט פון בֶּן־הֲדַד דעם זון פון חֲזָאֵלן די שטעט וואָס ער האָט געהאַט צוגענומען פון דער האַנט פון זיין פאָטער יהואָחָזן אין מלחמה. דריי מאָל האָט אים יואָש געשלאָגן, און האָט צוריקגעקערט די שטעט פון ישראל.

יד [1] אין צווייטן יאָר פון יואָש דעם זון פון יואָחָזן, דעם מלך פון ישראל, איז אֲמַצְיָהו דער זון פון יואָש דעם מלך פון יהודה געוואָרן מלך. [2] פינף און צוואַנציק יאָר איז ער אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און ניין און צוואַנציק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען יהועַדָן פון ירושָלַיִם. [3] און ער האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט, אָבער ניט אַזוי ווי זיין פאָטער דוד; ער האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס זיין פאָטער יואָש האָט געטאָן. [4] נאָר די בָמות זיינען ניט אָפּגעטאָן געוואָרן; דאָס פאָלק האָט נאָך אַלץ געשלאַכט און גערייכערט אויף די בָמות.

[5] און עס איז געווען, ווי די מלוכה איז געווען באַפעסטיקט אין זיין האַנט, אַזוי האָט ער דערשלאָגן זיינע קנעכט וואָס האָבן דערשלאָגן זיין פאָטער דעם מלך. [6] אָבער די קינדער פון די דערשלעגער האָט ער ניט געטייט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין בוך פון תּורת־משה, וואָס גאָט האָט באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: פאָטערס זאָלן ניט געטייט ווערן פאַר קינדער, און קינדער זאָלן ניט געטייט ווערן פאַר פאָטערס; נייערט יעטוועדער פאַר זיין זינד זאָל געטייט ווערן.

[7] ער האָט געשלאָגן פון אֱדום אין טאָל פון זאַלץ צען טויזנט, און אַיינגענומען סֶלַע אין מלחמה, און גערופן איר נאָמען יָקתְאֵל [ווי זי הייסט] ביז אויף היינטיקן טאָג.

[8] דענסמאָל האָט אֲמַצְיָה געשיקט שלוחים צו יהואָש דעם זון פון יהואָחָז דעם זון פון יֵהוּאן, דעם מלך פון ישראל, אַזוי צו זאָגן: קום לאָמיר זיך אָנקוקן אין פנים.

[9] האָט יהואָש דער מלך פון ישראל געשיקט צו אֲמַצְיָהו דעם מלך פון יהודה, אַזוי צו זאָגן: דער דאָרן וואָס אין לְבָנון

כא שָׁנָה׃ וַיְהִי הֵם ׀ קֹבְרִים אִישׁ וְהִנֵּה רָאוּ אֶת־הַגְּדוּד
וַיַּשְׁלִיכוּ אֶת־הָאִישׁ בְּקֶבֶר אֱלִישָׁע וַיֵּלֶךְ וַיִּגַּע הָאִישׁ
כב בְּעַצְמוֹת אֱלִישָׁע וַיְחִי וַיָּקָם עַל־רַגְלָיו׃ וַחֲזָאֵל מֶלֶךְ
כג אֲרָם לָחַץ אֶת־יִשְׂרָאֵל כֹּל יְמֵי יְהוֹאָחָז׃ וַיָּחָן יְהוָה אֹתָם
וַיְרַחֲמֵם וַיִּפֶן אֲלֵיהֶם לְמַעַן בְּרִיתוֹ אֶת־אַבְרָהָם יִצְחָק
וְיַעֲקֹב וְלֹא אָבָה הַשְׁחִיתָם וְלֹא־הִשְׁלִיכָם מֵעַל־פָּנָיו עַד־
כד עָתָּה׃ וַיָּמָת חֲזָאֵל מֶלֶךְ־אֲרָם וַיִּמְלֹךְ בֶּן־הֲדַד בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃
כה וַיָּשָׁב יְהוֹאָשׁ בֶּן־יְהוֹאָחָז וַיִּקַּח אֶת־הֶעָרִים מִיַּד בֶּן־הֲדַד
בֶּן־חֲזָאֵל אֲשֶׁר לָקַח מִיַּד יְהוֹאָחָז אָבִיו בַּמִּלְחָמָה שָׁלֹשׁ
פְּעָמִים הִכָּהוּ יוֹאָשׁ וַיָּשֶׁב אֶת־עָרֵי יִשְׂרָאֵל׃

יד

א בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְיוֹאָשׁ בֶּן־יוֹאָחָז מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל מָלַךְ אֲמַצְיָהוּ
ב בֶן־יוֹאָשׁ מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן־עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה הָיָה
בְמָלְכוֹ וְעֶשְׂרִים וָתֵשַׁע שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ
ג יְהוֹעַדִּין מִן־יְרוּשָׁלִָם׃ וַיַּעַשׂ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה רַק לֹא
ד כְּדָוִד אָבִיו כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה יוֹאָשׁ אָבִיו עָשָׂה׃ רַק הַבָּמוֹת
ה לֹא־סָרוּ עוֹד הָעָם מְזַבְּחִים וּמְקַטְּרִים בַּבָּמוֹת׃ וַיְהִי
כַּאֲשֶׁר חָזְקָה הַמַּמְלָכָה בְּיָדוֹ וַיַּךְ אֶת־עֲבָדָיו הַמַּכִּים אֶת־
ו הַמֶּלֶךְ אָבִיו׃ וְאֶת־בְּנֵי הַמַּכִּים לֹא הֵמִית כַּכָּתוּב בְּסֵפֶר
תּוֹרַת־מֹשֶׁה אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה לֵאמֹר לֹא־יוּמְתוּ אָבוֹת עַל־
בָּנִים וּבָנִים לֹא־יוּמְתוּ עַל־אָבוֹת כִּי אִם־אִישׁ בְּחֶטְאוֹ
ז יָמוּת׃ הוּא־הִכָּה אֶת־אֱדוֹם בְּגֵיא־הַמֶּלַח עֲשֶׂרֶת אֲלָפִים
וְתָפַשׂ אֶת־הַסֶּלַע בַּמִּלְחָמָה וַיִּקְרָא אֶת־שְׁמָהּ יָקְתְאֵל עַד
ח הַיּוֹם הַזֶּה׃ אָז שָׁלַח אֲמַצְיָה מַלְאָכִים אֶל־יְהוֹאָשׁ
בֶּן־יְהוֹאָחָז בֶּן־יֵהוּא מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר לְכָה נִתְרָאֶה
ט פָנִים׃ וַיִּשְׁלַח יְהוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל אֶל־אֲמַצְיָהוּ מֶלֶךְ־
יְהוּדָה לֵאמֹר הַחוֹחַ אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן שָׁלַח אֶל־הָאֶרֶז אֲשֶׁר

יד, ב׳ יתיר י׳ ו׳ ימת קרי ז׳ מלח קרי

בַּלְּבָנוֹן לֵאמֹר תְּנָה אֶת־בִּתְּךָ לִבְנִי לְאִשָּׁה וַתַּעֲבֹר חַיַּת
הַשָּׂדֶה אֲשֶׁר בַּלְּבָנוֹן וַתִּרְמֹס אֶת־הַחוֹחַ׃ הַכֵּה הִכִּיתָ י
אֶת־אֱדוֹם וּנְשָׂאֲךָ לִבֶּךָ הִכָּבֵד וְשֵׁב בְּבֵיתֶךָ וְלָמָּה תִתְגָּרֶה
בְּרָעָה וְנָפַלְתָּה אַתָּה וִיהוּדָה עִמָּךְ׃ וְלֹא־שָׁמַע אֲמַצְיָהוּ יא
וַיַּעַל יְהוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל וַיִּתְרָאוּ פָנִים הוּא וַאֲמַצְיָהוּ
מֶלֶךְ־יְהוּדָה בְּבֵית שֶׁמֶשׁ אֲשֶׁר לִיהוּדָה׃ וַיִּנָּגֶף יְהוּדָה יב
לִפְנֵי יִשְׂרָאֵל וַיָּנֻסוּ אִישׁ לְאֹהָלָו׃ וְאֵת אֲמַצְיָהוּ מֶלֶךְ־ יג
יְהוּדָה בֶּן־יְהוֹאָשׁ בֶּן־אֲחַזְיָהוּ תָּפַשׂ יְהוֹאָשׁ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל
בְּבֵית שָׁמֶשׁ וַיָּבֹאו יְרוּשָׁלַםִ וַיִּפְרֹץ בְּחוֹמַת יְרוּשָׁלַםִ
בְּשַׁעַר אֶפְרַיִם עַד־שַׁעַר הַפִּנָּה אַרְבַּע מֵאוֹת אַמָּה׃
וְלָקַח אֶת־כָּל־הַזָּהָב וְהַכֶּסֶף וְאֵת כָּל־הַכֵּלִים הַנִּמְצְאִים יד
בֵּית־יְהוָה וּבְאֹצְרוֹת בֵּית הַמֶּלֶךְ וְאֵת בְּנֵי הַתַּעֲרֻבוֹת
וַיָּשָׁב שֹׁמְרוֹנָה׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יְהוֹאָשׁ אֲשֶׁר עָשָׂה וּגְבוּרָתוֹ טו
וַאֲשֶׁר נִלְחַם עִם אֲמַצְיָהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים
עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב יְהוֹאָשׁ טז
עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּשֹׁמְרוֹן עִם מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּמְלֹךְ
יָרָבְעָם בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וַיְחִי אֲמַצְיָהוּ בֶן־יוֹאָשׁ מֶלֶךְ יז
יְהוּדָה אַחֲרֵי מוֹת יְהוֹאָשׁ בֶּן־יְהוֹאָחָז מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל חֲמֵשׁ
עֶשְׂרֵה שָׁנָה׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אֲמַצְיָהוּ הֲלֹא־הֵם כְּתֻבִים יח
עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּקְשְׁרוּ עָלָיו יט
קֶשֶׁר בִּירוּשָׁלַםִ וַיָּנָס לָכִישָׁה וַיִּשְׁלְחוּ אַחֲרָיו לָכִישָׁה
וַיְמִתֻהוּ שָׁם׃ וַיִּשְׂאוּ אֹתוֹ עַל־הַסּוּסִים וַיִּקָּבֵר בִּירוּשָׁלַםִ כ
עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד׃ וַיִּקְחוּ כָּל־עַם יְהוּדָה אֶת־עֲזַרְיָה כא
וְהוּא בֶּן־שֵׁשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה וַיַּמְלִכוּ אֹתוֹ תַּחַת אָבִיו
אֲמַצְיָהוּ׃ הוּא בָּנָה אֶת־אֵילַת וַיְשִׁבֶהָ לִיהוּדָה אַחֲרֵי כב
שְׁכַב־הַמֶּלֶךְ עִם־אֲבֹתָיו׃ בִּשְׁנַת חֲמֵשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה כג
לַאֲמַצְיָהוּ בֶן־יוֹאָשׁ מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ יָרָבְעָם בֶּן־יוֹאָשׁ

יב׳ לאהליו קרי   יג׳ ויבאו קרי

האָט געשיקט צו דעם צעדערבוים וואָס אין לבָנון, אַזוי צו זאָגן: גיב דיין טאָכטער צו מיין זון פאַר אַ ווייב. איז פאַרבייגעגאַנגען אַ ווילדע חיה וואָס אין לבָנון, און האָט צעטרעטן דעם דאָרן. [10] שלאָגן האָסטו געשלאָגן אֱדום, און דיין האַרץ האָט דיך דערהויבן; האַלט דיין כבוד, און זיץ אין דער היים. און נאָך וואָס זאָלסטו זיך רייצן מיט בייז, און פאַלן דו און יהודה מיט דיר?

[11] אָבער אַמַציָהו האָט ניט צוגעהערט. און יהוֹאָש דער מלך פון ישראל איז אַרויפגעגאַנגען, און זיי האָבן זיך אָנגעקוקט אין פנים, ער און אַמַציָהו דער מלך פון יהודה, אין בֵית־שֶמֶש וואָס געהערט צו יהודה. [12] און יהודה איז געשלאָגן געוואָרן פאַר ישראל, און זיי זיינען אַנטלאָפן איטלעכער צו זיינע געצעלטן.

[13] און אַמַציָהו דעם מלך פון יהודה, דעם זון פון יהוֹאָש דעם זון פון אַחַזיָהון, האָט יהוֹאָש דער מלך פון ישראל געכאַפּט אין בֵית־שֶמֶש. און ער איז געקומען קיין ירושָלַיִם, און האָט דורכגעבראָכן די מויער פון ירושָלַיִם פון דעם טויער פון אפרים ביז דעםווינקלטויער, פיר הונדערט איילן. [14] און ער האָט צוגענומען דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, און אַלע כלים, וואָס האָבן זיך געפונען אין הויז פון גאָט און אין די שאַצקאַמערן פון מלכס הויז, און משכון־קינדער, און האָט זיך אומגעקערט קיין שומרון.

[15] און די איבעריקע זאַכן פון יהוֹאָשן וואָס ער האָט געטאָן, און זיין גבורהשאַפט, און ווי ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט אַמַציָהו דעם מלך פון יהודה, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעעניש פון די מלכים פון ישראל.

[16] און יהוֹאָש האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין שומרון לעבן די מלכים פון ישראל. און זיין זון יָרָבעָם איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

[17] און אַמַציָהו דער זון פון יוֹאָשן, דער מלך פון יהודה, האָט געלעבט נאָך דעם טויט פון יהוֹאָש דעם זון פון יהוֹאָחָזן, דעם מלך פון ישראל, פופצן יאָר.

[18] און די איבעריקע זאַכן וועגן אַמַציָהון, זיי זיינען שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעעניש פון די מלכים פון יהודה.

[19] און מע האָט געבונטעוועט אויף אים אַ בונט אין ירושָלַיִם, און ער איז אַנטלאָפן קיין לָכיש; אָבער מע האָט נאָכגעשיקט נאָך אים קיין לָכיש, און מע האָט אים דאָרטן געטייט. [20] און מע האָט אים געבראַכט אויף פערד. און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין ירושָלַיִם לעבן זיינע עלטערן אין דודס־שטאָט.

[21] און דאָס גאַנצע פאָלק פון יהודה האָט גענומען עֲזַריָהן, וואָס איז געווען זעכצן יאָר אַלט, און זיי האָבן אים געמאַכט פאַר מלך אויפן אָרט פון זיין פאָטער אַמַציָהון.

[22] ער האָט אַרומגעבויט אֵילַת און האָט זי צוריקגעקערט צו יהודה, נאָכדעם ווי דער מלך האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן.

[23] אין פופצנטן יאָר פון אַמַציָהו דעם זון פון יוֹאָשן, דעם מלך פון יהודה, איז יָרָבעָם דער זון פון יוֹאָש דעם

מלך פון ישראל געוואָרן מלך אין שומרון, [און האָט
געקיניגט] איין און פערציק יאָר. 24 און ער האָט געטאָן
וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט; ער האָט זיך ניט
אָפּגעקערט פון אַלע זינד פון יָרָבעָם דעם זון פון נבָטן,
וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל.

25 ער האָט צוריקגעשטעלט דעם געמאַרק פון
ישׂראל, פון ווו מע קומט קיין חֲמָת ביז דעם ים פון פּלוין,
אַזוי ווי דאָס וואָרט פון יהוה דעם גאָט פון ישׂראל, וואָס
ער האָט גערעדט דורך זיין קנעכט יונה דעם זון פון אַמִתַּין,
דעם נביא, וואָס פון גַת־חֵפֶר. 26 וואָרום גאָט האָט געזען
די פּיין פון ישׂראל, אַז זי איז זייער ביטער, און קיין מוטער־
מענטש איז ניטאָ, און ניטאָ ווער זאָל העלפן ישׂראל. 27 און
גאָט האָט ניט געוואָלט אויסמעקן דעם נאָמען פון ישׂראל
פון אונטערן הימל, און ער האָט זיי געהאָלפן דורך דער
האַנט פון יָרָבעָם דעם זון פון יואָשן.

28 און די איבעריקע זאַכן וועגן יָרָבעָמען, און אַלץ
וואָס ער האָט געטאָן, און זיין גבורהשאַפט, ווי ער האָט
מלחמה געהאַלטן, און ווי ער האָט צוריקגעקערט דַמֶשֶׂק
און חֲמָת צו יהודה און ישׂראל, דאָס איז שוין באַשריבן אין
בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון ישׂראל.

29 און יָרָבעָם האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן,
מיט די מלכים פון ישׂראל. און זיין זון זכַריָה איז געוואָרן
מלך אויף זיין אָרט.

כד מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן אַרְבָּעִים וְאַחַת שָׁנָה׃ וַיַּעַשׂ הָרַע
בְּעֵינֵי יְהוָה לֹא סָר מִכָּל־חַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר
כה הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל׃ הוּא הֵשִׁיב אֶת־גְּבוּל יִשְׂרָאֵל
מִלְּבוֹא חֲמָת עַד־יָם הָעֲרָבָה כִּדְבַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
אֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד־עַבְדּוֹ יוֹנָה בֶן־אֲמִתַּי הַנָּבִיא אֲשֶׁר מִגַּת
כו הַחֵפֶר׃ כִּי־רָאָה יְהוָה אֶת־עֳנִי יִשְׂרָאֵל מֹרֶה מְאֹד וְאֶפֶס
כז עָצוּר וְאֶפֶס עָזוּב וְאֵין עֹזֵר לְיִשְׂרָאֵל׃ וְלֹא־דִבֶּר יְהוָה
לִמְחוֹת אֶת־שֵׁם יִשְׂרָאֵל מִתַּחַת הַשָּׁמָיִם וַיּוֹשִׁיעֵם בְּיַד
כח יָרָבְעָם בֶּן־יוֹאָשׁ׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יָרָבְעָם וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה
וּגְבוּרָתוֹ אֲשֶׁר־נִלְחָם וַאֲשֶׁר הֵשִׁיב אֶת־דַּמֶּשֶׂק וְאֶת־חֲמָת
לִיהוּדָה בְּיִשְׂרָאֵל הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים
כט לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב יָרָבְעָם עִם־אֲבֹתָיו עִם מַלְכֵי
יִשְׂרָאֵל וַיִּמְלֹךְ זְכַרְיָה בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

## טו

א בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים וָשֶׁבַע שָׁנָה לְיָרָבְעָם מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל מָלַךְ
ב עֲזַרְיָה בֶן־אֲמַצְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן־שֵׁשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה
הָיָה בְמָלְכוֹ וַחֲמִשִּׁים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָ͏ִם וְשֵׁם
ג אִמּוֹ יְכָלְיָהוּ מִירוּשָׁלָ͏ִם׃ וַיַּעַשׂ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל
ד אֲשֶׁר־עָשָׂה אֲמַצְיָהוּ אָבִיו׃ רַק הַבָּמוֹת לֹא־סָרוּ עוֹד
ה הָעָם מְזַבְּחִים וּמְקַטְּרִים בַּבָּמוֹת׃ וַיְנַגַּע יְהוָה אֶת־הַמֶּלֶךְ
וַיְהִי מְצֹרָע עַד־יוֹם מֹתוֹ וַיֵּשֶׁב בְּבֵית הַחָפְשִׁית וְיוֹתָם
ו בֶּן־הַמֶּלֶךְ עַל־הַבַּיִת שֹׁפֵט אֶת־עַם הָאָרֶץ׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי
עֲזַרְיָהוּ וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
ז הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּשְׁכַּב עֲזַרְיָה עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקְבְּרוּ
אֹתוֹ עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד וַיִּמְלֹךְ יוֹתָם בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃
ח בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים וּשְׁמֹנֶה שָׁנָה לַעֲזַרְיָהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ
זְכַרְיָהוּ בֶן־יָרָבְעָם עַל־יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן שִׁשָּׁה חֳדָשִׁים׃

יד, כג׳ כא על כד׳ מלא ו כח׳ קמץ בז״ק

טו 1 אין זיבן און צוואַנציקסטן יאָר פון יָרָבעָם דעם מלך פון ישׂראל, איז עֲזַריָה[א] דער זון פון אֲמַציָה דעם
מלך פון יהודה געוואָרן מלך. 2 זעכצן יאָר איז ער אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און צוויי און פופציק
יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען יכָליָהו פון ירושָלַיִם.

3 און ער האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי אַלץ וואָס זיין פאָטער אֲמַציָהו האָט
געטאָן. 4 נאָר די בָמות זיינען ניט אָפּגעטאָן געוואָרן; דאָס פאָלק האָט נאָך אַלץ געשלאַכט און גערייכערט אויף די בָמות.

5 און גאָט האָט געפּלאָגט דעם מלך, און ער איז געווען אַ מצורע ביז דעם טאָג פון זיין טויט. און ער איז געזעסן אין
דעם אָפּגעזונדערטן הויז. און יותָם דעם מלכס זון איז געווען איבערן פּאַלאַץ; ער האָט געמשפּט דאָס פאָלק פון לאַנד.

6 און די איבעריקע זאַכן וועגן עֲזַריָהן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייט־
געשעענישן פון די מלכים פון יהודה.

7 און עֲזַריָה האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און מע האָט אים באַגראָבן לעבן זיינע עלטערן אין דודס־שטאָט.
און זיין זון יותָם איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

8 אין אַכט און דרייסיקסטן יאָר פון עֲזַריָהו דעם מלך פון יהודה, האָט זכַריָהו דער זון פון יָרָבעָמען געקיניגט איבער

[א] אין פסוק 13 און אַנדערע ערטער איז דער נאָמען עוזיָה.

וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כַּאֲשֶׁר עָשׂוּ אֲבֹתָיו לֹא סָר ט
מֵחַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
וַיִּקְשֹׁר עָלָיו שַׁלֻּם בֶּן־יָבֵשׁ וַיַּכֵּהוּ קָבָל־עָם וַיְמִיתֵהוּ וַיִּמְלֹךְ י
תַּחְתָּיו׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי זְכַרְיָה הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי יא
הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ הוּא דְבַר־יְהוָה אֲשֶׁר דִּבֶּר אֶל־ יב
יֵהוּא לֵאמֹר בְּנֵי רְבִיעִים יֵשְׁבוּ לְךָ עַל־כִּסֵּא יִשְׂרָאֵל
וַיְהִי־כֵן׃ שַׁלּוּם בֶּן־יָבֵישׁ מָלַךְ בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים יג
וָתֵשַׁע שָׁנָה לְעֻזִּיָּה מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּמְלֹךְ יֶרַח־יָמִים בְּשֹׁמְרוֹן׃
וַיַּעַל מְנַחֵם בֶּן־גָּדִי מִתִּרְצָה וַיָּבֹא שֹׁמְרוֹן וַיַּךְ אֶת־שַׁלּוּם יד
בֶּן־יָבֵישׁ בְּשֹׁמְרוֹן וַיְמִיתֵהוּ וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי טו
שַׁלּוּם וְקִשְׁרוֹ אֲשֶׁר קָשָׁר הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ אָז יַכֶּה־מְנַחֵם אֶת־תִּפְסַח טז
וְאֶת־כָּל־אֲשֶׁר־בָּהּ וְאֶת־גְּבוּלֶיהָ מִתִּרְצָה כִּי לֹא פָתַח
וַיַּךְ אֵת כָּל־הֶהָרוֹתֶיהָ בִּקֵּעַ׃ בִּשְׁנַת שְׁלֹשִׁים וָתֵשַׁע יז
שָׁנָה לַעֲזַרְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ מְנַחֵם בֶּן־גָּדִי עַל־יִשְׂרָאֵל
עֶשֶׂר שָׁנִים בְּשֹׁמְרוֹן׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לֹא־סָר יח
מֵעַל חַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר־הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל
כָּל־יָמָיו׃ בָּא פוּל מֶלֶךְ־אַשּׁוּר עַל־הָאָרֶץ וַיִּתֵּן מְנַחֵם יט
לְפוּל אֶלֶף כִּכַּר־כָּסֶף לִהְיוֹת יָדָיו אִתּוֹ לְהַחֲזִיק הַמַּמְלָכָה
בְּיָדוֹ׃ וַיֹּצֵא מְנַחֵם אֶת־הַכֶּסֶף עַל־יִשְׂרָאֵל עַל כָּל־גִּבּוֹרֵי כ
הַחַיִל לָתֵת לְמֶלֶךְ אַשּׁוּר חֲמִשִּׁים שְׁקָלִים כֶּסֶף לְאִישׁ
אֶחָד וַיָּשָׁב מֶלֶךְ אַשּׁוּר וְלֹא־עָמַד שָׁם בָּאָרֶץ׃ וְיֶתֶר כא
דִּבְרֵי מְנַחֵם וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלוֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־
סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיִּשְׁכַּב מְנַחֵם עִם־ כב
אֲבֹתָיו וַיִּמְלֹךְ פְּקַחְיָה בְנוֹ תַּחְתָּיו׃ בִּשְׁנַת חֲמִשִּׁים כג
שָׁנָה לַעֲזַרְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ פְּקַחְיָה בֶן־מְנַחֵם עַל־
יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן שְׁנָתָיִם׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לֹא כד

ט׳ מלא ו׳   טז׳ כצ״ל   יח׳ מלא ו׳

ישראל אין שומרון זעקס חדשים. 9 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי זיינע עלטערן האָבן געטאָן; ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון די זינד פון יָרָבעָם דעם זון פון נבָטן, וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישראל.

10 און שַלוּם דער זון פון יָבֵשן האָט געמאַכט אַ בונט אויף אים, און האָט אים געשלאָגן אַנטקעגן פאַרן פאָלק, און אים געטייט, און איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

11 און די איבעריקע זאַכן וועגן זכַריָהן, זיי זיינען באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעעניש פון די מלכים פון ישראל.

12 דאָס איז געווען דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט גערעדט צו יֵהוּאן, אַזוי צו זאָגן: קינדער ביזן פירטן דור וועלן דיר זיצן אויפן טראָן פון ישראל; און אַזוי איז געשען.

13 שַלוּם דער זון פון יָבֵשן איז געוואָרן מלך אין ניין און דרייסיקסטן יאָר פון עוּזִיָהן דעם מלך פון יהודה; און ער האָט געקיניגט אַ חודש צייט אין שומרון.

14 איז אַרויפגעגאַנגען מנַחֵם דער זון פון גָדִין, פון תִרצָה, און ער איז געקומען קיין שומרון, און האָט געשלאָגן שַלוּם דעם זון פון יָבֵשן אין שומרון, און האָט אים געטייט, און איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

15 און די איבעריקע זאַכן וועגן שַלוּמען, און זיין בונט וואָס ער האָט געבונטעוועט, דאָס איז באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעעניש פון די מלכים פון ישראל.

16 דענסמאָל האָט מנַחֵם געשלאָגן תִפסַח מיט אַלע וואָס אין איר, און אירע געמאַרקן פון תִרצָה אָן. ווייל מע האָט אים ניט געעפנט, האָט ער זי געשלאָגן; אַלע אירע טראָגעדיקע האָט ער אויפגעשפּאָלטן.

17 אין ניין און דרייסיקסטן יאָר פון עֲזַריָה דעם מלך פון יהודה איז מנַחֵם דער זון פון גָדִין געוואָרן מלך איבער ישראל, [און האָט געקיניגט] צען יאָר אין שומרון.

18 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט; ער האָט אַלע זיינע טעג זיך ניט אָפּגעקערט פון די זינד פון יָרָבעָם דעם זון פון נבָטן, וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישראל.

19 איז געקומען פּוּל דער מלך פון אַשור אויפן לאַנד, און מנַחֵם האָט געגעבן פּולן טויזנט צענטנער זילבער, אַז זיין האַנט זאָל זיין מיט אים צו באַפעסטיקן די מלוכה אין זיין האַנט. 20 און מנַחֵם האָט אויסגעוואָרפן דאָס געלט אויף ישראל, אויף אַלע ווילפאַרמעגלעכע, פופציק שקָלים זילבער אויף יעטוועדער מאַן, כדי צו געבן דעם מלך פון אַשור. און דער מלך פון אַשור האָט זיך אומגעקערט, און האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט דאָרטן אין לאַנד.

21 און די איבעריקע זאַכן וועגן מנַחֵמען, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעעניש פון די מלכים פון ישראל.

22 און מנַחֵם האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און זיין זון פּקַחיָה איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

23 אין פופציקסטן יאָר פון עֲזַריָה דעם מלך פון יהודה איז פּקַחיָה דער זון פון מנַחֵמען געוואָרן מלך איבער ישראל אין שומרון, [און האָט געקיניגט] צוויי יאָר.

24 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט; ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון די זינד פון יָרָבעָם

סָר מֵחַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל׃
כה וַיִּקְשֹׁר עָלָיו פֶּקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ שָׁלִישׁוֹ וַיַּכֵּהוּ בְשֹׁמְרוֹן
בְּאַרְמוֹן בֵּית־מֶלֶךְ אֶת־אַרְגֹּב וְאֶת־הָאַרְיֵה וְעִמּוֹ חֲמִשִּׁים
כו אִישׁ מִבְּנֵי גִלְעָדִים וַיְמִתֵהוּ וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי
פְקַחְיָה וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
כז הַיָּמִים לְמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל׃ בִּשְׁנַת חֲמִשִּׁים וּשְׁתַּיִם
שָׁנָה לַעֲזַרְיָה מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ פֶּקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ עַל־
כח יִשְׂרָאֵל בְּשֹׁמְרוֹן עֶשְׂרִים שָׁנָה׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה
לֹא סָר מִן־חַטֹּאות יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־
כט יִשְׂרָאֵל׃ בִּימֵי פֶּקַח מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל בָּא תִּגְלַת פִּלְאֶסֶר
מֶלֶךְ אַשּׁוּר וַיִּקַּח אֶת־עִיּוֹן וְאֶת־אָבֵל בֵּית־מַעֲכָה וְאֶת־
יָנוֹחַ וְאֶת־קֶדֶשׁ וְאֶת־חָצוֹר וְאֶת־הַגִּלְעָד וְאֶת־הַגָּלִילָה כֹּל
ל אֶרֶץ נַפְתָּלִי וַיַּגְלֵם אַשּׁוּרָה׃ וַיִּקְשָׁר־קֶשֶׁר הוֹשֵׁעַ בֶּן־אֵלָה
עַל־פֶּקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ וַיַּכֵּהוּ וַיְמִיתֵהוּ וַיִּמְלֹךְ תַּחְתָּיו
לא בִּשְׁנַת עֶשְׂרִים לְיוֹתָם בֶּן־עֻזִּיָּה׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי־פֶקַח וְכָל־
אֲשֶׁר עָשָׂה הִנָּם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי
לב יִשְׂרָאֵל׃ בִּשְׁנַת שְׁתַּיִם לְפֶקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ מֶלֶךְ
לג יִשְׂרָאֵל מָלַךְ יוֹתָם בֶּן־עֻזִּיָּהוּ מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן־עֶשְׂרִים
וְחָמֵשׁ שָׁנָה הָיָה בְמָלְכוֹ וְשֵׁשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָםִ
לד וְשֵׁם אִמּוֹ יְרוּשָׁא בַּת־צָדוֹק׃ וַיַּעַשׂ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה
לה כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה עֻזִּיָּהוּ אָבִיו עָשָׂה׃ רַק הַבָּמוֹת לֹא סָרוּ
עוֹד הָעָם מְזַבְּחִים וּמְקַטְּרִים בַּבָּמוֹת הוּא בָּנָה אֶת־
לו שַׁעַר בֵּית־יְהוָה הָעֶלְיוֹן׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יוֹתָם * אֲשֶׁר
עָשָׂה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי
לז יְהוּדָה׃ בַּיָּמִים הָהֵם הֵחֵל יְהוָה לְהַשְׁלִיחַ בִּיהוּדָה
לח רְצִין מֶלֶךְ אֲרָם וְאֵת פֶּקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ׃ וַיִּשְׁכַּב יוֹתָם

---

כד׳ מלא ו   כה׳ המלך קרי   כח׳ מלא ו
לו׳ כצ״ל ע״פ המס׳ ובספרים וכל אשר

דעם זון פון נבָטן, וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל.

[25] און זיין הויפּטמאַן פֶּקַח דער זון פון רמַליָהון האָט געמאַכט אַ בונט אויף אים, און האָט אים דערשלאָגן אין שומרון, אין פּאַלאַץ פון מלכס הויז, ביי אַרגוב און ביי אַריֵה; און מיט אים זיינען געווען פופציק מאַן פון די גִלעָדער; און ער האָט אים געטייט, און איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

[26] און די איבעריקע זאַכן וועגן פּקחיָהן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון ישׂראל.

[27] אין צוויי און פופציקסטן יאָר פון עֲזַריָה דעם מלך פון יהודה, איז פֶּקַח דער זון פון רמַליָהון געוואָרן מלך איבער ישׂראל אין שומרון, [און האָט געקיניגט] צוואַנציק יאָר.

[28] און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט; ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון די זינד פון יָרָבעָם דעם זון פון נבָטן, וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל.

[29] אין די טעג פון פֶּקַח דעם מלך פון ישׂראל, איז געקומען תִּגלַת־פִּלאֶסֶר דער מלך פון אַשור, און האָט גענומען עִיון, און אָבֵל־בֵּית־מַעֲכָה, און יָנוֹחַ, און קֶדֶשׁ, און חָצוֹר, און גִלעָד, און גָליל, דאָס גאַנצע לאַנד נפתלי; און ער האָט זיי פאַרטריבן קיין אַשור.

[30] און הוֹשֵׁעַ דער זון פון אֵלָהן האָט געבונטעוועט אַ בונט אויף פֶּקַח דעם זון פון רמַליָהון, און ער האָט אים געשלאָגן און אים געטייט, און איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט, אין צוואַנציקסטן יאָר פון יוֹתָם דעם זון פון עוזיָהן.

[31] און די איבעריקע זאַכן וועגן פֶּקַחן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז באַשריבן אין בוך פון די צייט־געשעענישן פון די מלכים פון ישׂראל.

[32] אין צווייטן יאָר פון פֶּקַח דעם זון פון רמַליָהון, דעם מלך פון ישׂראל, איז יוֹתָם דער זון פון עוזיָהו דעם מלך פון יהודה געוואָרן מלך. [33] פינף און צוואַנציק יאָר איז ער אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און זעכצן יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען ירושאָ די טאָכטער פון צָדוקן.

[34] און ער האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט; ער האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס זיין פאָטער עוזיָהו האָט געטאָן. [35] נאָר די בָמות זיינען ניט אָפּגעטאָן געוואָרן; דאָס פאָלק האָט נאָך אַלץ געשלאַכט און גערייכערט אויף די בָמות.

ער האָט געבויט דאָס אויבערשטע טויער פון גאָטס הויז.

[36] און די איבעריקע זאַכן וועגן יוֹתָמען, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייט־געשעענישן פון די מלכים פון יהודה.

[37] אין יענע טעג האָט גאָט אָנגעהויבן אָנשיקן אויף יהודה רצין דעם מלך פון אֲרָם, און פֶּקַח דעם זון פון רמַליָהון.

עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד אָבִיו וַיִּמְלֹךְ אָחָז
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

טז

בִּשְׁנַת שְׁבַע־עֶשְׂרֵה שָׁנָה לְפֶקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ מָלַךְ אָחָז א
בֶּן־יוֹתָם מֶלֶךְ יְהוּדָה׃ בֶּן־עֶשְׂרִים שָׁנָה אָחָז בְּמָלְכוֹ ב
וְשֵׁשׁ־עֶשְׂרֵה שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְלֹא־עָשָׂה הַיָּשָׁר
בְּעֵינֵי יְהוָה אֱלֹהָיו כְּדָוִד אָבִיו׃ וַיֵּלֶךְ בְּדֶרֶךְ מַלְכֵי ג
יִשְׂרָאֵל וְגַם אֶת־בְּנוֹ הֶעֱבִיר בָּאֵשׁ כְּתֹעֲבוֹת הַגּוֹיִם אֲשֶׁר
הוֹרִישׁ יְהוָה אֹתָם מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיְזַבֵּחַ וַיְקַטֵּר ד
בַּבָּמוֹת וְעַל־הַגְּבָעוֹת וְתַחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן׃ אָז יַעֲלֶה רְצִין ה
מֶלֶךְ־אֲרָם וּפֶקַח בֶּן־רְמַלְיָהוּ מֶלֶךְ־יִשְׂרָאֵל יְרוּשָׁלִַם
לַמִּלְחָמָה וַיָּצֻרוּ עַל־אָחָז וְלֹא יָכְלוּ לְהִלָּחֵם׃
בָּעֵת הַהִיא הֵשִׁיב רְצִין מֶלֶךְ־אֲרָם אֶת־אֵילַת לַאֲרָם ו
וַיְנַשֵּׁל אֶת־הַיְּהוּדִים מֵאֵילוֹת וַאֲרוֹמִים בָּאוּ אֵילַת וַיֵּשְׁבוּ
שָׁם עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃ וַיִּשְׁלַח אָחָז מַלְאָכִים אֶל־תִּגְלַת ז
פְּלֶסֶר מֶלֶךְ־אַשּׁוּר לֵאמֹר עַבְדְּךָ וּבִנְךָ אָנִי עֲלֵה וְהוֹשִׁעֵנִי
מִכַּף מֶלֶךְ־אֲרָם וּמִכַּף מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל הַקּוֹמִים עָלָי׃ וַיִּקַּח ח
אָחָז אֶת־הַכֶּסֶף וְאֶת־הַזָּהָב הַנִּמְצָא בֵּית יְהוָה וּבְאֹצְרוֹת
בֵּית הַמֶּלֶךְ וַיִּשְׁלַח לְמֶלֶךְ־אַשּׁוּר שֹׁחַד׃ וַיִּשְׁמַע אֵלָיו ט
מֶלֶךְ אַשּׁוּר וַיַּעַל מֶלֶךְ אַשּׁוּר אֶל־דַּמֶּשֶׂק וַיִּתְפְּשֶׂהָ וַיַּגְלֶהָ
קִירָה וְאֶת־רְצִין הֵמִית׃ וַיֵּלֶךְ הַמֶּלֶךְ אָחָז לִקְרַאת תִּגְלַת י
פִּלְאֶסֶר מֶלֶךְ־אַשּׁוּר דּוּמֶּשֶׂק וַיַּרְא אֶת־הַמִּזְבֵּחַ אֲשֶׁר
בְּדַמָּשֶׂק וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ אָחָז אֶל־אוּרִיָּה הַכֹּהֵן אֶת־דְּמוּת
הַמִּזְבֵּחַ וְאֶת־תַּבְנִיתוֹ לְכָל־מַעֲשֵׂהוּ׃ וַיִּבֶן אוּרִיָּה הַכֹּהֵן יא
אֶת־הַמִּזְבֵּחַ כְּכֹל אֲשֶׁר־שָׁלַח הַמֶּלֶךְ אָחָז מִדַּמֶּשֶׂק כֵּן
עָשָׂה אוּרִיָּה הַכֹּהֵן עַד־בּוֹא הַמֶּלֶךְ־אָחָז מִדַּמָּשֶׂק׃ וַיָּבֹא יב
הַמֶּלֶךְ מִדַּמֶּשֶׂק וַיַּרְא הַמֶּלֶךְ אֶת־הַמִּזְבֵּחַ וַיִּקְרַב הַמֶּלֶךְ

ג׳ ואדומים קרי   ו׳ בשורק ודגש אחריו

[38] און יותָם האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן לעבן זיינע עלטערן אין זיין פאָטער דודס שטאָט. און זיין זון אָחָז איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

# טז

[1] אין זיבעצנטן יאָר פון פֶּקַח דעם זון פון רמַליָהון, איז אָחָז דער זון פון יותָם דעם מלך פון יהודה געוואָרן מלך. [2] צוואַנציק יאָר איז אָחָז אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און זעכצן יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם.

און ער האָט ניט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון יהוה זיין גאָט, אַזוי ווי זיין פאָטער דוד. [3] נייערט ער איז געגאַנגען אין דעם וועג פון די מלכים פון ישראל. און ער האָט אויך געמאַכט דורכגיין זיין זון דורכן פייער[א], אַזוי ווי די אומווערדיקייטן פון די פעלקער וואָס גאָט האָט זיי פאַרטריבן פון פאַר די קינדער פון ישראל. [4] און ער האָט געשלאַכט און גערייכערט אויף די בָּמות, און אויף די בערגלעך, און אונטער יעטוועדער צווייגיקן בוים.

[5] דענסמאָל איז אַרויפגעקומען רצין דער מלך פון אַרָם, און פֶּקַח דער זון פון רמַליָהון, דער מלך פון ישראל, קיין ירושָלַיִם אויף מלחמה; און זיי האָבן געלעגערט אויף אָחָזן, און ניט געקענט בייקומען.

[6] אין יענער צייט האָט רצין דער מלך פון אַרָם צוריקגעקערט אֵילַת צו אַרָם, און האָט אַרויסגעוואָרפן די יהודהער פון אֵילַת. און די אַדומים זיינען געקומען קיין אֵילַת, און זיינען דאָרטן געבליבן ביז אויף הייַנטיקן טאָג.

[7] און אָחָז האָט געשיקט שלוחים צו תִּגלַת־פּלֶסֶר דעם מלך פון אַשור, אַזוי צו זאָגן: דיין קנעכט און דיין זון בין איך; קום אַרויף און העלף מיר פון דער האַנט פון דעם מלך פון אַרָם, און פון דער האַנט פון דעם מלך פון ישראל, וואָס זיינען אויפגעשטאַנען אויף מיר.

[8] און אָחָז האָט גענומען דאָס זילבער און דאָס גאָלד וואָס האָט זיך געפונען אין גאָטס הויז און אין די שאַצקאַמערן פון מלכס הויז, און האָט געשיקט צום מלך פון אַשור שוחד. [9] און דער מלך פון אַשור האָט צוגעהערט צו אים, און דער מלך פון אַשור איז אַרויפגעגאַנגען אויף דַמֶשֶק, און האָט זי איינגענומען, און האָט פאַרטריבן אירע באַווינער קיין קיר, און רצינען האָט ער געטייט.

[10] און דער מלך אָחָז איז געגאַנגען קיין דַמֶשֶק אַנטקעגן תִּגלַת־פּלאֶסֶר דעם מלך פון אַשור, און ער האָט געזען דעם מזבח וואָס אין דַמֶשֶק. און דער מלך אָחָז האָט געשיקט צו אוריָה דעם כֹּהן די געשטאַלט פון דעם מזבח און זיין געבוי לויט זיין גאַנצער אַרבעט. [11] און אוריָה דער כֹּהן האָט אויפגעבויט דעם מזבח; אַזוי ווי אַלץ וואָס דער מלך אָחָז האָט געשיקט פון דַמֶשֶק, אַזוי האָט אוריָה דער כֹּהן געמאַכט, איידער דער מלך אָחָז איז געקומען פון דַמֶשֶק. [12] און אַז דער מלך איז געקומען פון דַמֶשֶק, האָט דער מלך געזען דעם מזבח; און דער מלך האָט גענענט צום מזבח,

[א] פאַרברענט צום גאָט מולך.

אוּן האָט אויפגעבראַכט אויף אים. 13 און ער האָט געדעמפּט זיין בראַנדאָפּפּער און זיין שפּייזאָפּפּער, און געגאָסן זיין גיסאָפּפּער, און געשפּרענגט דאָס בלוט פון זיין פרידאָפּפּער, אויפן מזבח. 14 און דעם קופּערנעם מזבח וואָס פאַר גאָט האָט ער צוגערוקט פון פאַר דעם הויז, פון צווישן דעם מזבח און צווישן דעם הויז פון גאָט, און האָט אים אַוועקגעשטעלט ביין זייט פון דעם מזבח צו צפון.

15 און דער מלך אָחָז האָט באַפוילן אוּרִיָּה דעם כֹּהן, אַזוי צו זאָגן: אויף דעם גרויסן מזבח דעמף דאָס בראַנדאָפּפּער פון אין דער פרי, און דאָס שפּייזאָפּפּער פון אָוונט, און דאָס בראַנדאָפּפּער פון מלך און זיין שפּייזאָפּפּער, און דאָס בראַנדאָפּפּער פון דעם גאַנצן פאָלק פון לאַנד, און זייער שפּייזאָפּפּער און זייערע גיסאָפּפּער; און איטלעך בלוט פון בראַנדאָפּפּער און איטלעך בלוט פון שאַלכטאָפּפּער זאָלסטו שפּרענגען אויף אים. און וועגן דעם קופּערנעם מזבח וועל איך דאַרפן נאָכקוקן.

16 און אוּרִיָּה דער כֹּהן האָט געטאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס דער מלך אָחָז האָט באַפוילן.

17 און דער מלך אָחָז האָט אָפּגעהאַקט די ראַמען פון די געשטעלן[א], און האָט אָפּגעטאָן פון זיי דעם האַנטפאַס. און דעם ים[ב] האָט ער אַראָפּגענומען פון די קופּערנע רינדער וואָס אונטער אים, און האָט אים אַוועקגעשטעלט אויף אַ געפלאַסטער פון שטיינער. 18 און דער איבערדעק פאַר שבת וואָס מע האָט אָנגעבויט אָן הויז, און דעם מלכס אַיינגאַנג דערויסן, האָט ער איבערגעשטעלט אין הויז פון גאָט פון וועגן דעם מלך פון אַשור.

19 און [די איבעריקע זאַכן פון אָחָזן וואָס ער האָט געטאָן, זיי זיינען שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון יהודה.

20 און אָחָז האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן לעבן זיינע עלטערן אין דודס־שטאָט. און זיין זון חִזְקִיָּהוּ איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

יג עַל־הַמִּזְבֵּחַ וַיַּעַל עָלָיו׃ וַיַּקְטֵר אֶת־עֹלָתוֹ וְאֶת־מִנְחָתוֹ
וַיַּסֵּךְ אֶת־נִסְכּוֹ וַיִּזְרֹק אֶת־דַּם־הַשְּׁלָמִים אֲשֶׁר־לוֹ עַל־
יד הַמִּזְבֵּחַ׃ וְאֵת הַמִּזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר לִפְנֵי יְהוָה וַיַּקְרֵב
מֵאֵת פְּנֵי הַבַּיִת מִבֵּין הַמִּזְבֵּחַ וּמִבֵּין בֵּית יְהוָה וַיִּתֵּן אֹתוֹ
טו עַל־יֶרֶךְ הַמִּזְבֵּחַ צָפוֹנָה׃ וַיְצַוֵּהוּ הַמֶּלֶךְ אָחָז אֶת־אוּרִיָּה
הַכֹּהֵן לֵאמֹר עַל הַמִּזְבֵּחַ הַגָּדוֹל הַקְטֵר אֶת־עֹלַת־הַבֹּקֶר
וְאֶת־מִנְחַת הָעֶרֶב וְאֶת־עֹלַת הַמֶּלֶךְ וְאֶת־מִנְחָתוֹ וְאֵת
עֹלַת כָּל־עַם הָאָרֶץ וּמִנְחָתָם וְנִסְכֵּיהֶם וְכָל־דַּם עֹלָה
וְכָל־דַּם־זֶבַח עָלָיו תִּזְרֹק וּמִזְבַּח הַנְּחֹשֶׁת יִהְיֶה־לִּי לְבַקֵּר׃
טז וַיַּעַשׂ אוּרִיָּה הַכֹּהֵן כְּכֹל אֲשֶׁר־צִוָּה הַמֶּלֶךְ אָחָז׃ וַיְקַצֵּץ
יז הַמֶּלֶךְ אָחָז אֶת־הַמִּסְגְּרוֹת הַמְּכֹנוֹת וַיָּסַר מֵעֲלֵיהֶם וְאֶת־
הַכִּיֹּר וְאֶת־הַיָּם הוֹרִד מֵעַל הַבָּקָר הַנְּחֹשֶׁת אֲשֶׁר תַּחְתֶּיהָ
יח וַיִּתֵּן אֹתוֹ עַל מַרְצֶפֶת אֲבָנִים׃ וְאֶת־מֵיסַךְ הַשַּׁבָּת אֲשֶׁר־
בָּנוּ בַבַּיִת וְאֶת־מְבוֹא הַמֶּלֶךְ הַחִיצוֹנָה הֵסֵב בֵּית יְהוָה
יט מִפְּנֵי מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אָחָז אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלֹא־
כ הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּשְׁכַּב
אָחָז עִם־אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר עִם־אֲבֹתָיו בְּעִיר דָּוִד וַיִּמְלֹךְ
חִזְקִיָּהוּ בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

## יז

א בִּשְׁנַת שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה לְאָחָז מֶלֶךְ יְהוּדָה מָלַךְ הוֹשֵׁעַ
ב בֶּן־אֵלָה בְשֹׁמְרוֹן עַל־יִשְׂרָאֵל תֵּשַׁע שָׁנִים׃ וַיַּעַשׂ הָרַע
בְּעֵינֵי יְהוָה רַק לֹא כְּמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הָיוּ לְפָנָיו׃
ג עָלָיו עָלָה שַׁלְמַנְאֶסֶר מֶלֶךְ אַשּׁוּר וַיְהִי־לוֹ הוֹשֵׁעַ עֶבֶד
ד וַיָּשֶׁב לוֹ מִנְחָה׃ וַיִּמְצָא מֶלֶךְ־אַשּׁוּר בְּהוֹשֵׁעַ קֶשֶׁר אֲשֶׁר
שָׁלַח מַלְאָכִים אֶל־סוֹא מֶלֶךְ־מִצְרָיִם וְלֹא־הֶעֱלָה מִנְחָה
לְמֶלֶךְ אַשּׁוּר כְּשָׁנָה בְשָׁנָה וַיַּעַצְרֵהוּ מֶלֶךְ אַשּׁוּר וַיַּאַסְרֵהוּ
ה בֵּית כֶּלֶא׃ וַיַּעַל מֶלֶךְ־אַשּׁוּר בְּכָל־הָאָרֶץ וַיַּעַל שֹׁמְרוֹן

טז, טו׳ ויצוה קרי   יז׳ את קרי   יח׳ מסך קרי   מלעיל

## יז

1 אין צוועלפטן יאָר פון אָחָז דעם מלך פון יהודה, איז הוֹשֵׁעַ דער זון פון אֵלָהן געוואָרן מלך אין שומרון איבער ישראל, [און האָט געקיניגט] ניין יאָר.

2 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, נאָר ניט אַזוי ווי די מלכים פון ישראל וואָס זיינען געווען פאַר אים.

3 אויף אים איז אַרויפגעגאַנגען שַלמַנאֶסֶר דער מלך פון אַשור, און הוֹשֵׁעַ איז געוואָרן אַ קנעכט צו אים, און אים געצאָלט אָפּגאָב.

4 און דער מלך פון אַשור האָט אויסגעפונען אין הוֹשֵׁעַן אַ בונט, ווייל ער האָט געשיקט שלוחים צו סוא דעם מלך פון מִצרַיִם, און האָט ניט אַרויפגעבראַכט אָפּגאָב צו דעם מלך פון אַשור אַזוי ווי יאָר אין יאָר. און דער מלך פון אַשור האָט אים פאַרהאַלטן, און האָט אים אַיינגעשפּאַרט אין תפיסה.

5 און דער מלך פון אַשור איז אַרויפגעגאַנגען אויפן גאַנצן לאַנד, און איז אַרויפגעגאַנגען אויף שומרון, און האָט

[א] זע מלכים א׳ ז, 27 און ווייטער.   [ב] זע מלכים א׳ ז, 23 און ווייטער.

וַיָּצַר עָלֶיהָ שָׁלֹשׁ שָׁנִים׃ בִּשְׁנַת הַתְּשִׁיעִית לְהוֹשֵׁעַ לָכַד ו
מֶלֶךְ־אַשּׁוּר אֶת־שֹׁמְרוֹן וַיֶּגֶל אֶת־יִשְׂרָאֵל אַשּׁוּרָה וַיֹּשֶׁב
אֹתָם בַּחְלַח וּבְחָבוֹר נְהַר גּוֹזָן וְעָרֵי מָדָי׃
וַיְהִי כִּי־חָטְאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל לַיהוָה אֱלֹהֵיהֶם הַמַּעֲלֶה ז
אֹתָם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִתַּחַת יַד פַּרְעֹה מֶלֶךְ־מִצְרָיִם
וַיִּירְאוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים׃ וַיֵּלְכוּ בְּחֻקּוֹת הַגּוֹיִם אֲשֶׁר ח
הוֹרִישׁ יְהוָה מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וּמַלְכֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר עָשׂוּ׃
וַיְחַפְּאוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל דְּבָרִים אֲשֶׁר לֹא־כֵן עַל־יְהוָה ט
אֱלֹהֵיהֶם וַיִּבְנוּ לָהֶם בָּמוֹת בְּכָל־עָרֵיהֶם מִמִּגְדַּל נוֹצְרִים
עַד־עִיר מִבְצָר׃ וַיַּצִּבוּ לָהֶם מַצֵּבוֹת וַאֲשֵׁרִים עַל כָּל־ י
גִּבְעָה גְבֹהָה וְתַחַת כָּל־עֵץ רַעֲנָן׃ וַיְקַטְּרוּ־שָׁם בְּכָל־בָּמוֹת יא
כַּגּוֹיִם אֲשֶׁר־הֶגְלָה יְהוָה מִפְּנֵיהֶם וַיַּעֲשׂוּ דְּבָרִים רָעִים
לְהַכְעִיס אֶת־יְהוָה׃ וַיַּעַבְדוּ הַגִּלֻּלִים אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה יב
לָהֶם לֹא תַעֲשׂוּ אֶת־הַדָּבָר הַזֶּה׃ וַיָּעַד יְהוָה בְּיִשְׂרָאֵל יג
וּבִיהוּדָה בְּיַד כָּל־נְבִיאֵו כָל־חֹזֶה לֵאמֹר שֻׁבוּ מִדַּרְכֵיכֶם
הָרָעִים וְשִׁמְרוּ מִצְוֹתַי חֻקּוֹתַי כְּכָל־הַתּוֹרָה אֲשֶׁר צִוִּיתִי
אֶת־אֲבֹתֵיכֶם וַאֲשֶׁר שָׁלַחְתִּי אֲלֵיכֶם בְּיַד עֲבָדַי הַנְּבִיאִים׃
וְלֹא שָׁמֵעוּ וַיַּקְשׁוּ אֶת־עָרְפָּם כְּעֹרֶף אֲבוֹתָם אֲשֶׁר לֹא יד
הֶאֱמִינוּ בַּיהוָה אֱלֹהֵיהֶם׃ וַיִּמְאֲסוּ אֶת־חֻקָּיו וְאֶת־בְּרִיתוֹ טו
אֲשֶׁר כָּרַת אֶת־אֲבוֹתָם וְאֵת עֵדְוֹתָיו אֲשֶׁר הֵעִיד בָּם
וַיֵּלְכוּ אַחֲרֵי הַהֶבֶל וַיֶּהְבָּלוּ וְאַחֲרֵי הַגּוֹיִם אֲשֶׁר סְבִיבֹתָם
אֲשֶׁר צִוָּה יְהוָה אֹתָם לְבִלְתִּי עֲשׂוֹת כָּהֶם׃ וַיַּעַזְבוּ טז
אֶת־כָּל־מִצְוֹת יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם מַסֵּכָה שְׁנֵים
עֲגָלִים וַיַּעֲשׂוּ אֲשֵׁירָה וַיִּשְׁתַּחֲווּ לְכָל־צְבָא הַשָּׁמַיִם
וַיַּעַבְדוּ אֶת־הַבָּעַל׃ וַיַּעֲבִירוּ אֶת־בְּנֵיהֶם וְאֶת־בְּנוֹתֵיהֶם יז
בָּאֵשׁ וַיִּקְסְמוּ קְסָמִים וַיְנַחֵשׁוּ וַיִּתְמַכְּרוּ לַעֲשׂוֹת הָרַע
בְּעֵינֵי יְהוָה לְהַכְעִיסוֹ׃ וַיִּתְאַנַּף יְהוָה מְאֹד בְּיִשְׂרָאֵל יח

יג׳ נביאו קרי ב׳ טעמים במלה א׳ טו׳ קמץ בז״ק טז׳ שני קרי

געלעגערט אויף איר דריי יאָר. 6 אין נײַנטן יאָר פון הושען האָט דער מלך פון אשור באַצוווּנגען שומרון, און האָט פאַרטריבן ישראל קיין אשור, און זיי באַזעצט אין חלח, און אין חבור, בײַם טײַך גוזן, און אין די שטעט פון מדי.

7 און דאָס איז געשען ווײַל די קינדער פון ישראל האָבן געזינדיקט צו יהוה זייער גאָט וואָס האָט זיי אויפֿגעבראַכט פון לאַנד מצרים, פון אונטער דער האַנט פון פרעה דעם מלך פון מצרים, און זיי האָבן געפאָרכט פרעמדע געטער. 8 און זיי זײַנען געגאַנגען אין די געזעצן פון די פעלקער וואָס גאָט האָט פאַרטריבן פון פאַר די קינדער פון ישראל; דעסגלײַכן די מלכים פון ישראל, וואָס זיי האָבן געמאַכט. 9 און די קינדער פון ישראל האָבן צוגעטראַכט זאַכן וואָס ניט ריכטיק צו יהוה זייער גאָט, און זיי האָבן זיך געבויט במות אין אַלע זייערע שטעט, פון אַ וועכטערטורעם ביז אַ פעסטונגשטאָט. 10 און זיי האָבן זיך אויפֿגעשטעלט זײַלשטיינער און געצנשטאַנגען אויף יעטוועדער הויכן בערגל און אונטער יעטוועדער צווײַגיקן בוים. 11 און זיי האָבן דאָרטן גערייכערט אויף אַלע במות, אַזוי ווי די פעלקער וואָס גאָט האָט פאַרטריבן פון פאַר זיי; און זיי האָבן געטאָן שלעכטע זאַכן צו דערצערענען גאָט. 12 און זיי האָבן געדינט די אָפּגעטער, וואָס גאָט האָט זיי אָנגעזאָגט: איר זאָלט ניט טאָן דידאָזיקע זאַך. 13 און גאָט האָט געוואָרנט ישראל און יהודה דורך איטלעכן נביא, איטלעכן זעער, אַזוי צו זאָגן: קערט אײַך אום פון אײַערע שלעכטע וועגן, און היט מײַנע געבאָט, מײַנע געזעצן, לויט דער גאַנצער תורה וואָס איך האָב באַפוילן אײַערע עלטערן, און וואָס איך האָב געשיקט צו אײַך דורך מײַנע קנעכט די נביאים. 14 אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט, און זיי האָבן האַרט געמאַכט זייער נאַקן, אַזוי ווי דער נאַקן פון זייערע עלטערן וואָס האָבן ניט געגלויבט אין יהוה זייער גאָט. 15 און זיי האָבן פאַראַכט זײַנע געזעצן און זײַן בונד וואָס ער האָט געשלאָסן מיט זייערע עלטערן, און זײַנע וואָרענישן וואָס ער האָט זיי געוואָרנט, און זיי זײַנען געגאַנגען נאָך נישטיקייט און געוואָרן נישטיק, און נאָך די פעלקער וואָס רונד אַרום זיי, וואָס גאָט האָט זיי באַפוילן ניט צו טאָן אַזוי ווי זיי. 16 און זיי האָבן פאַרלאָזן אַלע געבאָט פון יהוה זייער גאָט, און האָבן זיך געמאַכט געגאָסענע געצן—צוויי קעלבער, און געמאַכט אַן אשרה, און זיך געבוקט צו דעם גאַנצן חיל פון הימל, און געדינט בעל. 17 און זיי האָבן געמאַכט דורכגיין זייערע זין און זייערע טעכטער דורכן פײַער, און האָבן געבראַכט וואָרזאָגערײַ און געצויבערט, און זיך אָפּגעגעבן צו טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אים צו דערצערענען. 18 און גאָט האָט זייער געצערנט אויף ישראל, און ער האָט זיי אָפּגעטאָן פון זײַן פנים;

עס איז ניט געבליבן אַחוץ שבט יהודה אַליין. [19] האָט אויך יהודה ניט געהיט די געבאָט פון יהוה זייער גאָט, און זיי זײַנען געגאַנגען אין די געזעצן פון ישׂראל, וואָס יענע האָבן געמאַכט. [20] און גאָט האָט פֿאַראַכט דעם גאַנצן זאָמען פון ישׂראל, און ער האָט זיי געפּייניקט, און האָט זיי געגעבן אין דער האַנט פון אויסרויבער, ביז ער האָט זיי אַוועקגעוואָרפן פון זײַן פּנים. [21] וואָרום אַז ער האָט אָפּגעריסן ישׂראל פון דעם הויז פון דוד, און זיי האָבן געמאַכט פאַר אַ מלך יָרָבעָם דעם זון פון נבָט, האָט יָרָבעָם אַראָפּגעפירט ישׂראל פון הינטער גאָט, און ער האָט זיי געמאַכט זינדיקן אַ גרויסע זינד. [22] און די קינדער פון ישׂראל זײַנען געגאַנגען אין אַלע זינד פון יָרָבעָמען וואָס ער האָט געטאָן; זיי האָבן זיך ניט אָפּגעקערט דערפון. [23] ביז גאָט האָט אָפּגעטאָן ישׂראל פון זײַן פּנים, אַזוי ווי ער האָט גערעדט דורך אַלע זײַנע קנעכט די נביאים, און ישׂראל איז פאַרטריבן געוואָרן פון זײַן ערד קיין אַשור ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

[24] און דער מלך פון אַשור האָט געבראַכט מענטשן פון בָבל, און פון כותָה, און פון עַוָא, און פון חַמָת, און פון ספרַוַיִם, און באַזעצט אין די שטעט פון שומרון אָנשטאָט די קינדער פון ישׂראל. און זיי האָבן געאַרבט שומרון, און זײַנען געזעסן אין אירע שטעט.

[25] און עס איז געווען אין אָנהייב פון זייער זיצן דאָרטן, האָבן זיי ניט געפאָרכט יהוה, און יהוה האָט אָנגעשיקט אויף זיי לייבן, און זיי פלעגן אויסהרגען צווישן זיי. [26] האָט מען אָנגעזאָגט דעם מלך פון אַשור, אַזוי צו זאָגן: די פעלקער וואָס דו האָסט אַוועקגעפירט, און באַזעצט אין די שטעט פון שומרון, ווייסן ניט דעם שטייגער פון דעם גאָט פון לאַנד; דרום האָט ער אָנגעשיקט אויף זיי לייבן, און זע, זיי טייטן זיי, אַזוי ווי זיי ווייסן ניט דעם שטייגער פון דעם גאָט פון לאַנד.

[27] האָט דער מלך פון אַשור באַפוילן, אַזוי צו זאָגן: פירט אַוועק אַהין איינעם פון די כּהנים וואָס איר האָט פאַרטריבן פון דאָרטן; און זאָלן זיי גיין און זיך באַזעצן דאָרטן, און ער זאָל זיי לערנען דעם שטייגער פון דעם גאָט פון לאַנד.

[28] איז געקומען איינער פון די כּהנים וואָס מע האָט געהאַט פאַרטריבן פון שומרון, און ער האָט זיך באַזעצט אין בֵּית־אֵל, און האָט זיי געלערנט ווי זיי זאָלן פאָרכטן יהוה. [29] אָבער איטלעך פאָלק פלעגט אויך מאַכן זײַנע אייגענע געטער, און זיי האָבן זיי אַוועקגעשטעלט אין די הײַזער פון די בָמות וואָס די שומרונים האָבן געמאַכט; איטלעך פאָלק אין זייערע שטעט וואָס זיי זײַנען דאָרטן געזעסן. [30] און די מענטשן פון בָבל האָבן געמאַכט סוכּות־בנות, און די מענטשן פון כּות האָבן געמאַכט נֵרגַל, און די מענטשן פון חֲמָת האָבן געמאַכט אַשימאָ, [31] און די עַוִים האָבן געמאַכט נִבחַז און תַּרתָּק, און די ספרַוִים האָבן פאַרברענט זייערע קינדער אין פײַער צו אַדרַמֶלֶך און עֲנַמֶלֶך, די געטער פון ספרַוָיִם.

וַיְסִרֵם מֵעַל פָּנָיו לֹא נִשְׁאַר רַק שֵׁבֶט יְהוּדָה לְבַדּוֹ׃
יט גַּם־יְהוּדָה לֹא שָׁמַר אֶת־מִצְוֺת יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וַיֵּלְכוּ
כ בְּחֻקּוֹת יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר עָשׂוּ׃ וַיִּמְאַס יְהוָה בְּכָל־זֶרַע יִשְׂרָאֵל
כא וַיְעַנֵּם וַיִּתְּנֵם בְּיַד־שֹׁסִים עַד אֲשֶׁר הִשְׁלִיכָם מִפָּנָיו׃ כִּי־
קָרַע יִשְׂרָאֵל מֵעַל בֵּית דָּוִד וַיַּמְלִיכוּ אֶת־יָרָבְעָם בֶּן־
נְבָט וַיַּדַּא יָרָבְעָם אֶת־יִשְׂרָאֵל מֵאַחֲרֵי יְהוָה וְהֶחֱטִיאָם
כב חֲטָאָה גְדוֹלָה׃ וַיֵּלְכוּ בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּכָל־חַטֹּאות יָרָבְעָם
כג אֲשֶׁר עָשָׂה לֹא־סָרוּ מִמֶּנָּה׃ עַד אֲשֶׁר־הֵסִיר יְהוָה אֶת־
יִשְׂרָאֵל מֵעַל פָּנָיו כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר בְּיַד כָּל־עֲבָדָיו הַנְּבִיאִים
וַיִּגֶל יִשְׂרָאֵל מֵעַל אַדְמָתוֹ אַשּׁוּרָה עַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
כד וַיָּבֵא מֶלֶךְ־אַשּׁוּר מִבָּבֶל וּמִכּוּתָה וּמֵעַוָּא וּמֵחֲמָת וּסְפַרְוַיִם
וַיֹּשֶׁב בְּעָרֵי שֹׁמְרוֹן תַּחַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וַיִּרְשׁוּ אֶת־שֹׁמְרוֹן
כה וַיֵּשְׁבוּ בְּעָרֶיהָ׃ וַיְהִי בִּתְחִלַּת שִׁבְתָּם שָׁם לֹא יָרְאוּ אֶת־
יְהוָה וַיְשַׁלַּח יְהוָה בָּהֶם אֶת־הָאֲרָיוֹת וַיִּהְיוּ הֹרְגִים
כו בָּהֶם׃ וַיֹּאמְרוּ לְמֶלֶךְ אַשּׁוּר לֵאמֹר הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הִגְלִיתָ
וַתּוֹשֶׁב בְּעָרֵי שֹׁמְרוֹן לֹא יָדְעוּ אֶת־מִשְׁפַּט אֱלֹהֵי הָאָרֶץ
וַיְשַׁלַּח־בָּם אֶת־הָאֲרָיוֹת וְהִנָּם מְמִיתִים אוֹתָם כַּאֲשֶׁר
כז אֵינָם יֹדְעִים אֶת־מִשְׁפַּט אֱלֹהֵי הָאָרֶץ׃ וַיְצַו מֶלֶךְ־אַשּׁוּר
לֵאמֹר הֹלִיכוּ שָׁמָּה אֶחָד מֵהַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר הִגְלִיתֶם מִשָּׁם
כח וְיֵלְכוּ וְיֵשְׁבוּ שָׁם וְיֹרֵם אֶת־מִשְׁפַּט אֱלֹהֵי הָאָרֶץ׃ וַיָּבֹא
אֶחָד מֵהַכֹּהֲנִים אֲשֶׁר הִגְלוּ מִשֹּׁמְרוֹן וַיֵּשֶׁב בְּבֵית־אֵל
כט וַיְהִי מוֹרֶה אֹתָם אֵיךְ יִירְאוּ אֶת־יְהוָה׃ וַיִּהְיוּ עֹשִׂים גּוֹי
גּוֹי אֱלֹהָיו וַיַּנִּיחוּ ׀ בְּבֵית הַבָּמוֹת אֲשֶׁר עָשׂוּ הַשֹּׁמְרֹנִים
ל גּוֹי גּוֹי בְּעָרֵיהֶם אֲשֶׁר הֵם יֹשְׁבִים שָׁם׃ וְאַנְשֵׁי בָבֶל
עָשׂוּ אֶת־סֻכּוֹת בְּנוֹת וְאַנְשֵׁי־כוּת עָשׂוּ אֶת־נֵרְגַל וְאַנְשֵׁי
לא חֲמָת עָשׂוּ אֶת־אֲשִׁימָא׃ וְהָעַוִּים עָשׂוּ נִבְחַז וְאֶת־
תַּרְתָּק וְהַסְפַרְוִים שֹׂרְפִים אֶת־בְּנֵיהֶם בָּאֵשׁ לְאַדְרַמֶּלֶךְ

כא׳ וידח ק׳   כב׳ מלא ה   כד׳ ומספרים ק׳   ל׳ פתח באתנח   לא׳ אין רבתא

לב וְעֲנַמֶּלֶךְ אֱלֹהֵי סְפַרְוָיִם: וַיִּהְיוּ יְרֵאִים אֶת־יְהוָה וַיַּעֲשׂוּ
לָהֶם מִקְצוֹתָם כֹּהֲנֵי בָמוֹת וַיִּהְיוּ עֹשִׂים לָהֶם בְּבֵית
לג הַבָּמוֹת: אֶת־יְהוָה הָיוּ יְרֵאִים וְאֶת־אֱלֹהֵיהֶם הָיוּ עֹבְדִים
לד כְּמִשְׁפַּט הַגּוֹיִם אֲשֶׁר־הִגְלוּ אֹתָם מִשָּׁם: עַד הַיּוֹם הַזֶּה
הֵם עֹשִׂים כַּמִּשְׁפָּטִים הָרִאשֹׁנִים אֵינָם יְרֵאִים אֶת־יְהוָה
וְאֵינָם עֹשִׂים כְּחֻקֹּתָם וּכְמִשְׁפָּטָם וְכַתּוֹרָה וְכַמִּצְוָה אֲשֶׁר
לה צִוָּה יְהוָה אֶת־בְּנֵי יַעֲקֹב אֲשֶׁר־שָׂם שְׁמוֹ יִשְׂרָאֵל: וַיִּכְרֹת
יְהוָה אִתָּם בְּרִית וַיְצַוֵּם לֵאמֹר לֹא תִירְאוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים
וְלֹא־תִשְׁתַּחֲווּ לָהֶם וְלֹא תַעַבְדוּם וְלֹא תִזְבְּחוּ לָהֶם:
לו כִּי ׀ אִם־אֶת־יְהוָה אֲשֶׁר הֶעֱלָה אֶתְכֶם מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם
בְּכֹחַ גָּדוֹל וּבִזְרוֹעַ נְטוּיָה אֹתוֹ תִירָאוּ וְלוֹ תִשְׁתַּחֲווּ וְלוֹ
לז תִזְבָּחוּ: וְאֶת־הַחֻקִּים וְאֶת־הַמִּשְׁפָּטִים וְהַתּוֹרָה וְהַמִּצְוָה
אֲשֶׁר כָּתַב לָכֶם תִּשְׁמְרוּן לַעֲשׂוֹת כָּל־הַיָּמִים וְלֹא תִירְאוּ
לח אֱלֹהִים אֲחֵרִים: וְהַבְּרִית אֲשֶׁר־כָּרַתִּי אִתְּכֶם לֹא תִשְׁכָּחוּ
לט וְלֹא תִירְאוּ אֱלֹהִים אֲחֵרִים: כִּי אִם־אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵיכֶם
מ תִּירָאוּ וְהוּא יַצִּיל אֶתְכֶם מִיַּד כָּל־אֹיְבֵיכֶם: וְלֹא שָׁמֵעוּ
מא כִּי אִם־כְּמִשְׁפָּטָם הָרִאשׁוֹן הֵם עֹשִׂים: וַיִּהְיוּ ׀ הַגּוֹיִם
הָאֵלֶּה יְרֵאִים אֶת־יְהוָה וְאֶת־פְּסִילֵיהֶם הָיוּ עֹבְדִים גַּם־
בְּנֵיהֶם ׀ וּבְנֵי בְנֵיהֶם כַּאֲשֶׁר עָשׂוּ אֲבֹתָם הֵם עֹשִׂים עַד
הַיּוֹם הַזֶּה:

## יח

א וַיְהִי בִּשְׁנַת שָׁלֹשׁ לְהוֹשֵׁעַ בֶּן־אֵלָה מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל מָלַךְ
ב חִזְקִיָּה בֶן־אָחָז מֶלֶךְ יְהוּדָה: בֶּן־עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה
הָיָה בְמָלְכוֹ וְעֶשְׂרִים וָתֵשַׁע שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָםִ וְשֵׁם
ג אִמּוֹ אֲבִי בַּת־זְכַרְיָה: וַיַּעַשׂ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל
ד אֲשֶׁר־עָשָׂה דָּוִד אָבִיו: הוּא ׀ הֵסִיר אֶת־הַבָּמוֹת וְשִׁבַּר
אֶת־הַמַּצֵּבֹת וְכָרַת אֶת־הָאֲשֵׁרָה וְכִתַּת נְחַשׁ הַנְּחֹשֶׁת

יז, לא׳ אלהי ק׳ , ספרוים ק׳

32 דערבײַ פֿלעגן זײ פֿאָרכטן יהוה, און זײ האָבן זיך געמאַכט פֿון צווישן זיך כּהנים פֿון בָּמות, וואָס פֿלעגן מקריב זײַן פֿאַר זײ אין די הײַזער פֿון די בָּמות. 33 יהוה פֿלעגן זײ פֿאָרכטן, אָבער זײערע געטער פֿלעגן זײ דינען, אַזוי ווי דער שטײגער פֿון די פֿעלקער וואָס מע האָט זײ פֿון דאָרטן אַוועקגעפֿירט.

34 ביז אויף הײַנטיקן טאָג טוען זײ אַזוי ווי די פֿריערדיקע שטײגערס; זײ פֿאָרכטן ניט [אין גאַנצן] יהוה, און זײ טוען ניט אַזוי ווי זײערע חוקים און ווי זײער געזעץ, און אַזוי ווי די תּורה און ווי דאָס געבאָט וואָס גאָט האָט געבאָטן די קינדער פֿון יעקבֿ, וואָס ער האָט געמאַכט זײַן נאָמען ישׂראל[א]; 35 וואָס גאָט האָט מיט זײ געשלאָסן אַ בונד, און האָט זײ באַפֿוילן, אַזוי צו זאָגן: „איר זאָלט ניט פֿאָרכטן פֿרעמדע געטער, און איר זאָלט זיך ניט בוקן צו זײ, און זײ ניט דינען, און ניט שלאַכטן צו זײ; 36 נײַערט יהוה וואָס האָט אײַך אויפֿגעבראַכט פֿון לאַנד מִצרַיִם מיט גרויס שטאַרקײט, און מיט אַן אויסגעשטרעקטן אָרעם, אים זאָלט איר פֿאָרכטן, און צו אים זאָלט איר זיך בוקן, און צו אים זאָלט איר שלאַכטן. 37 און די חוקים און די געזעצן, און די תּורה און דאָס געבאָט, וואָס ער האָט פֿאַר אײַך געשריבן, זאָלט איר היטן צו טאָן אַלע טאָג; און איר זאָלט ניט פֿאָרכטן פֿרעמדע געטער. 38 און דעם בונד וואָס איך האָב געשלאָסן מיט אײַך, זאָלט איר ניט פֿאַרגעסן; און איר זאָלט ניט פֿאָרכטן פֿרעמדע געטער. 39 נײַערט יהוה אײַער גאָט זאָלט איר פֿאָרכטן, און ער וועט אײַך מציל זײַן פֿון דער האַנט פֿון אַלע אײַערע פֿײַנט". 40 אָבער זײ האָבן ניט צוגעהערט, נײַערט זײ טוען אַזוי ווי זײער פֿריערדיקער שטײגער.

41 און די דאָזיקע פֿעלקער פֿלעגן פֿאָרכטן יהוה, אָבער זײערע געצן פֿלעגן זײ דינען; דעסגלײַכן זײערע קינדער און זײערע קינדסקינדער—אַזוי ווי זײערע עלטערן האָבן געטאָן, אַזוי טוען זײ ביז אויף הײַנטיקן טאָג.

יח 1 און עס איז געווען אין דריטן יאָר פֿון הוֹשֵׁעַ דעם זון פֿון אֵלָהן, דעם מלך פֿון ישׂראל, איז חִזקִיָה דער זון פֿון אָחָז דעם מלך פֿון יהודה געוואָרן מלך. 2 פֿינף און צוואַנציק יאָר איז ער אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און נײַן און צוואַנציק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פֿון זײַן מוטער איז געווען אַבי די טאָכטער פֿון זכַריָהן.

3 און ער האָט געטאָן וואָס איז רעכטפֿאַרטיק אין די אויגן פֿון גאָט, אַזוי ווי אַלץ וואָס זײַן פֿאָטער דוד האָט געטאָן. 4 ער האָט אָפּגעטאָן די בָּמות, און צעבראָכן די זײַלשטײנער, און אָפּגעהאַקט די אֲשֵׁרָה. און ער האָט צעהאַקט די

א) זע בראשית לב, 29.

קופּערנע־שלאַנג וואָס משה האָט געמאַכטא; וואָרום ביז יענע טעג פלעגן די קינדער פון ישׂראל רייכערן צו איר, און מע האָט זי גערופן נחושתּןב. 5 ער האָט זיך פאַרזיכערט אויף גאָט דעם האַר פון ישׂראל, און נאָך אים איז ניט געווען אַזאַ ווי ער צווישן אַלע מלכים פון יהודה, אויך ניט צווישן די וואָס זיינען געווען פאַר אים. 6 וואָרום ער האָט זיך באַהעפט אָן גאָט, ער האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון הינטער אים, און ער האָט געהיט זיינע געבאָט וואָס גאָט האָט געבאָטן משהן. 7 און גאָט פלעגט זיין מיט אים; אומעטום ווו ער פלעגט אַרויסגיין, פלעגט ער באַגליקן. און ער האָט ווידערשפּעניקט אָן דעם מלך פון אַשור, און האָט אים ניט געדינט. 8 ער האָט געשלאָגן די פּלִשתּים ביז עַזָה און אירע געמאַרקן, פון אַ וועכטערטורעם ביז אַ פעסטונגשטאָט.

9 און עס איז געווען אין פערטן יאָר פון מלך חִזקִיָהון—דאָס איז דאָס זיבעטע יאָר פון הושֵעַ דעם זון פון אֵלָהן, דעם מלך פון ישׂראל—איז אַרויפגעגאַנגען שַלמַנאֶסֶר דער מלך פון אַשור אויף שומרון, און האָט געלעגערט אויף איר. 10 און זיי האָבן זי באַצוווּנגען צום סוף פון דריי יאָר; אין זעקסטן יאָר פון חִזקִיָהן—דאָס איז דאָס ניינטע יאָר פון הושֵעַ דעם מלך פון ישׂראל—איז שומרון באַצוווּנגען געוואָרן. 11 און דער מלך פון אַשור האָט פאַרטריבן ישׂראל קיין אַשור, און האָט זיי אַוועקגעפירט אין חַלַח, און אין חָבור, ביים טייך גוזָן, און אין די שטעט פון מָדַי; 12 פאַרוואָס זיי האָבן ניט צוגעהערט צו דעם קָול פון יהוה זייער גאָט, און האָבן איבערגעטרעטן זיין בונד, אַלץ וואָס משה דער קנעכט פון גאָט האָט זיי באַפוילן, און זיי האָבן ניט צוגעהערט און ניט געטאָן.

13 און אין פערצנטן יאָר פון מלך חִזקִיָהן, איז אַרויפגעגאַנגען סַנחֵריב דער מלך פון אַשור אויף אַלע באַפעסטיקטע שטעט פון יהודה, און האָט זיי איינגענומען.

14 האָט חִזקִיָה דער מלך פון יהודה געשיקט צו דעם מלך פון אַשור קיין לָכיש, אַזוי צו זאָגן: איך האָב געזינדיקט; קער זיך אָפּ פון מיר; וואָס דו וועסט אויף מיר אַרויפלייגן, וועל איך טראָגן. האָט דער מלך פון אַשור אַרויפגעלייגט אויף חִזקִיָה דעם מלך פון יהודה דריי הונדערט צענטנער זילבער און דרייסיק צענטנער גאָלד.

15 און חִזקִיָה האָט אַוועקגעגעבן דאָס גאַנצע זילבער וואָס האָט זיך געפונען אין הויז פון גאָט און אין די שאַצקאַמערן פון מלכס הויז. 16 אין יענער צייט האָט חִזקִיָה אַרומגעהאַקט די טירן פון דעם טעמפּל פון גאָט, און די ביישטידלעך וואָס חִזקִיָה דער מלך פון יהודה האָט געהאַט איבערגעצויגן [מיט גאָלד], און ער האָט עס געגעבן דעם מלך פון אַשור.

17 און דער מלך פון אַשור האָט געשיקט תַּרתָּנען, און רַב־סָריסן, און רַבשָקֵהן, פון לָכיש צום מלך חִזקִיָהון מיט אַ גרויסן חיל קיין ירושָלַיִם. און זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען און זיינען געקומען קיין ירושָלַיִם; און ווי זיי זיינען אַרויפגעגאַנגען,

אֲשֶׁר־עָשָׂה מֹשֶׁה כִּי עַד־הַיָּמִים הָהֵמָּה הָיוּ בְנֵי־יִשְׂרָאֵל
ה מְקַטְּרִים לוֹ וַיִּקְרָא־לוֹ נְחֻשְׁתָּן׃ בַּיהוָה אֱלֹהֵי־יִשְׂרָאֵל
בָּטָח וְאַחֲרָיו לֹא־הָיָה כָמֹהוּ בְּכֹל מַלְכֵי יְהוּדָה וַאֲשֶׁר
ו הָיוּ לְפָנָיו׃ וַיִּדְבַּק בַּיהוָה לֹא־סָר מֵאַחֲרָיו וַיִּשְׁמֹר
ז מִצְוֺתָיו אֲשֶׁר־צִוָּה יְהוָה אֶת־מֹשֶׁה׃ וְהָיָה יְהוָה עִמּוֹ
בְּכֹל אֲשֶׁר־יֵצֵא יַשְׂכִּיל וַיִּמְרֹד בְּמֶלֶךְ־אַשּׁוּר וְלֹא עֲבָדוֹ׃
ח הוּא הִכָּה אֶת־פְּלִשְׁתִּים עַד־עַזָּה וְאֶת־גְּבוּלֶיהָ מִמִּגְדַּל
ט נוֹצְרִים עַד־עִיר מִבְצָר׃ וַיְהִי בַּשָּׁנָה הָרְבִיעִית
לַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ הִיא הַשָּׁנָה הַשְּׁבִיעִית לְהוֹשֵׁעַ בֶּן־אֵלָה
מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל עָלָה שַׁלְמַנְאֶסֶר מֶלֶךְ־אַשּׁוּר עַל־שֹׁמְרוֹן
י וַיָּצַר עָלֶיהָ׃ וַיִּלְכְּדֻהָ מִקְצֵה שָׁלֹשׁ שָׁנִים בִּשְׁנַת־שֵׁשׁ
לְחִזְקִיָּה הִיא שְׁנַת־תֵּשַׁע לְהוֹשֵׁעַ מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל נִלְכְּדָה
יא שֹׁמְרוֹן׃ וַיֶּגֶל מֶלֶךְ־אַשּׁוּר אֶת־יִשְׂרָאֵל אַשּׁוּרָה וַיַּנְחֵם
יב בַּחְלַח וּבְחָבוֹר נְהַר גּוֹזָן וְעָרֵי מָדָי׃ עַל ׀ אֲשֶׁר לֹא־
שָׁמְעוּ בְּקוֹל יְהוָה אֱלֹהֵיהֶם וַיַּעַבְרוּ אֶת־בְּרִיתוֹ אֵת כָּל־
אֲשֶׁר צִוָּה מֹשֶׁה עֶבֶד יְהוָה וְלֹא שָׁמְעוּ וְלֹא עָשׂוּ׃
יג וּבְאַרְבַּע עֶשְׂרֵה שָׁנָה לַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּה עָלָה סַנְחֵרִיב
מֶלֶךְ־אַשּׁוּר עַל כָּל־עָרֵי יְהוּדָה הַבְּצֻרוֹת וַיִּתְפְּשֵׂם׃
יד וַיִּשְׁלַח חִזְקִיָּה מֶלֶךְ־יְהוּדָה אֶל־מֶלֶךְ־אַשּׁוּר ׀ לָכִישָׁה ׀
לֵאמֹר ׀ חָטָאתִי שׁוּב מֵעָלַי אֵת אֲשֶׁר־תִּתֵּן עָלַי אֶשָּׂא
וַיָּשֶׂם מֶלֶךְ־אַשּׁוּר עַל־חִזְקִיָּה מֶלֶךְ־יְהוּדָה שְׁלֹשׁ מֵאוֹת
טו כִּכַּר־כֶּסֶף וּשְׁלֹשִׁים כִּכַּר זָהָב׃ וַיִּתֵּן חִזְקִיָּה אֶת־כָּל־
טז הַכֶּסֶף הַנִּמְצָא בֵית־יְהוָה וּבְאֹצְרוֹת בֵּית הַמֶּלֶךְ׃ בָּעֵת
הַהִיא קִצַּץ חִזְקִיָּה אֶת־דַּלְתוֹת הֵיכַל יְהוָה וְאֶת־
הָאֹמְנוֹת אֲשֶׁר צִפָּה חִזְקִיָּה מֶלֶךְ יְהוּדָה וַיִּתְּנֵם לְמֶלֶךְ
יז אַשּׁוּר׃ וַיִּשְׁלַח מֶלֶךְ־אַשּׁוּר אֶת־תַּרְתָּן וְאֶת־רַב־
סָרִיס ׀ וְאֶת־רַבְשָׁקֵה מִן־לָכִישׁ אֶל־הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ בְּחֵיל
כָּבֵד יְרוּשָׁלָם וַיַּעֲלוּ וַיָּבֹאוּ יְרוּשָׁלַם וַיַּעֲלוּ וַיָּבֹאוּ וַיַּעַמְדוּ

א זע במדבר כא, 9. ב די קופּערנע.

בִּתְעָלַת הַבְּרֵכָה הָעֶלְיוֹנָה אֲשֶׁר בִּמְסִלַּת שְׂדֵה כוֹבֵס׃
יח וַיִּקְרְאוּ אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיֵּצֵא אֲלֵהֶם אֶלְיָקִים בֶּן־חִלְקִיָּהוּ
אֲשֶׁר עַל־הַבָּיִת וְשֶׁבְנָה הַסֹּפֵר וְיוֹאָח בֶּן־אָסָף הַמַּזְכִּיר׃
יט וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם רַבְשָׁקֵה אִמְרוּ־נָא אֶל־חִזְקִיָּהוּ כֹּה־אָמַר
הַמֶּלֶךְ הַגָּדוֹל מֶלֶךְ אַשּׁוּר מָה הַבִּטָּחוֹן הַזֶּה אֲשֶׁר
כ בָּטָחְתָּ׃ אָמַרְתָּ אַךְ־דְּבַר שְׂפָתַיִם עֵצָה וּגְבוּרָה לַמִּלְחָמָה
כא עַתָּה עַל־מִי בָטַחְתָּ כִּי מָרַדְתָּ בִּי׃ עַתָּה הִנֵּה בָטַחְתָּ
לְּךָ עַל־מִשְׁעֶנֶת הַקָּנֶה הָרָצוּץ הַזֶּה עַל־מִצְרַיִם אֲשֶׁר
יִסָּמֵךְ אִישׁ עָלָיו וּבָא בְכַפּוֹ וּנְקָבָהּ כֵּן פַּרְעֹה מֶלֶךְ־
כב מִצְרַיִם לְכָל־הַבֹּטְחִים עָלָיו׃ וְכִי־תֹאמְרוּן אֵלַי אֶל־יְהוָה
אֱלֹהֵינוּ בָּטָחְנוּ הֲלוֹא־הוּא אֲשֶׁר הֵסִיר חִזְקִיָּהוּ אֶת־
בָּמֹתָיו וְאֶת־מִזְבְּחֹתָיו וַיֹּאמֶר לִיהוּדָה וְלִירוּשָׁלִַם לִפְנֵי
כג הַמִּזְבֵּחַ הַזֶּה תִּשְׁתַּחֲווּ בִּירוּשָׁלִָם׃ וְעַתָּה הִתְעָרֶב נָא
אֶת־אֲדֹנִי אֶת־מֶלֶךְ אַשּׁוּר וְאֶתְּנָה לְךָ אַלְפַּיִם סוּסִים אִם־
כד תּוּכַל לָתֶת לְךָ רֹכְבִים עֲלֵיהֶם׃ וְאֵיךְ תָּשִׁיב אֵת פְּנֵי
פַּחַת אַחַד עַבְדֵי אֲדֹנִי הַקְּטַנִּים וַתִּבְטַח לְךָ עַל־מִצְרַיִם
כה לְרֶכֶב וּלְפָרָשִׁים׃ עַתָּה הֲמִבַּלְעֲדֵי יְהוָה עָלִיתִי עַל־
הַמָּקוֹם הַזֶּה לְהַשְׁחִתוֹ יְהוָה אָמַר אֵלַי עֲלֵה עַל־הָאָרֶץ
כו הַזֹּאת וְהַשְׁחִיתָהּ׃ וַיֹּאמֶר אֶלְיָקִים בֶּן־חִלְקִיָּהוּ וְשֶׁבְנָה
וְיוֹאָח אֶל־רַבְשָׁקֵה דַּבֶּר־נָא אֶל־עֲבָדֶיךָ אֲרָמִית כִּי
שֹׁמְעִים אֲנָחְנוּ וְאַל־תְּדַבֵּר עִמָּנוּ יְהוּדִית בְּאָזְנֵי הָעָם
כז אֲשֶׁר עַל־הַחֹמָה׃ וַיֹּאמֶר אֲלֵיהֶם רַבְשָׁקֵה הַעַל אֲדֹנֶיךָ
וְאֵלֶיךָ שְׁלָחַנִי אֲדֹנִי לְדַבֵּר אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה הֲלֹא
עַל־הָאֲנָשִׁים הַיֹּשְׁבִים עַל־הַחֹמָה לֶאֱכֹל אֶת־חֲרֵיהֶם
כח וְלִשְׁתּוֹת אֶת־שֵׁינֵיהֶם עִמָּכֶם׃ וַיַּעֲמֹד רַבְשָׁקֵה וַיִּקְרָא
בְקוֹל־גָּדוֹל יְהוּדִית וַיְדַבֵּר וַיֹּאמֶר שִׁמְעוּ דְּבַר־הַמֶּלֶךְ
כט הַגָּדוֹל מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ כֹּה אָמַר הַמֶּלֶךְ אַל־יַשִּׁא לָכֶם

כז צואתם ק׳ מימי רגליהם ק׳

אַזוי זיינען זיי געקומען און האָבן זיך געשטעלט בײַ דעם גראָבן פון דעם אויבערשטן טייך וואָס אויפן וועג פון וועשערפעלד. [18] און זיי האָבן גערופן צום מלך; איז אַרויסגעגאַנגען צו זיי אֶלְיָקים דער זון פון חִלְקִיָהון, וואָס איבערן פּאַלאַץ, און שֶבנאָ דער שרייבער, און יוֹאָח דער זון פון אָסָפן, דער דערמאָנער.

[19] און רַבשָקֵה האָט צו זיי געזאָגט: זאָגט אַקאָרשט צו חִזקִיָהון: אַזוי האָט געזאָגט דער גרויסער מלך, דער מלך פון אַשור: וואָס איז דידאָזיקע פאַרזיכערונג וואָס דו פאַרזיכערסט זיך? [20] מיינסטו הויל ליפּגערייד איז אַן עצה און גבורה פאַר מלחמה? אַצונד, אויף וועמען פאַרזיכערסטו זיך, וואָס דו האָסט ווידערשפּעניקט אָן מיר? [21] אַצונד זע, דו פאַרזיכערסט זיך אויף דעם שטעקן פון דעמדאָזיקן צעבראָכענעם ראָר—אויף מִצרַיִם—וואָס אַז אַ מענטש לענט זיך אויף אים אָן, גייט ער אים אַריין אין דער האַנט, און לעכערט זי דורך; אַזוי איז פַּרעה דער מלך פון מִצרַיִם פאַר אַלע וואָס פאַרזיכערן זיך אויף אים. [22] און אַז איר וועט מיר זאָגן: מיר פאַרזיכערן זיך אויף יהוה אונדזער גאָט—איז דאָס ניט דער וואָס חִזקִיָהו האָט אָפּגעטאָן זיינע בָמות און זיינע מזבחות, און האָט געזאָגט צו יהודה און צו ירושָלַיִם: פאַר דעמדאָזיקן מזבח זאָלט איר זיך בוקן אין ירושָלַיִם? [23] און אַצונד, פאַרוועט זיך אַקאָרשט מיט מיין האַר דעם מלך פון אַשור, און איך וועל דיר געבן צוויי טויזנט פערד, אויב דו קענסט דיר אַרויפזעצן רייטער אויף זיי. [24] היינט ווי קענסטו אָפּשטויסן דעם פּנים פון אַ הויפּטמאַן, איינעם פון די קלענסטע קנעכט פון מיין האַר? פון דעסטוועגן פאַרזיכערסטו זיך אויף מִצרַיִם וועגן רייטוועגן און רייטער. [25] אַצונד, בין איך דען אָן יהוה אַרויפגעקומען אויף דעמדאָזיקן אָרט, אים צו פאַרוויסטן? יהוה האָט צו מיר געזאָגט: גיי אַרויף אויף דעמדאָזיקן לאַנד, און פאַרוויסט עס.

[26] האָט אֶלְיָקים דער זון פון חִלְקִיָהון, און שֶבנאָ, און יוֹאָח, געזאָגט צו רַבשָקֵהן: רעד, איך בעט דיך, צו דיינע קנעכט אַראַמיש, וואָרום מיר פאַרשטייען עס, און רעד ניט צו אונדז יהודיש אין די אויערן פון דעם פאָלק וואָס אויף דער מויער.

[27] האָט רַבשָקֵה צו זיי געזאָגט: האָט דען צו דיין האַר און צו דיר מיך געשיקט מיין האַר צו רעדן דידאָזיקע ווערטער, און ניט צו די מענטשן וואָס זיצן אויף דער מויער, צו עסן זייער קָ׳יט, און צו טרינקען זייער לײַבוואַסער, בײַ אײַך?

[28] און רַבשָקֵה האָט זיך געשטעלט, און האָט אויסגערופן אויף אַ הויכן קָול אויף יהודיש, און האָט גערעדט און געזאָגט: הערט דאָס וואָרט פון דעם גרויסן מלך, דעם מלך פון אַשור. [29] אַזוי האָט געזאָגט דער מלך: זאָל אײַך

חִזְקִיָהוּ ניט נאַרן, וואָרום ער קען אַייך ניט מציל זיין פון
זיין האַנט. 30 און זאָל אַייך חִזְקִיָהוּ ניט פאַרזיכערן אויף
יהוה, אַזוי צו זאָגן: מציל זיין וועט אונדז מציל זיין יהוה,
און דידאָזיקע שטאָט וועט ניט איבערגעגעבן ווערן אין
דער האַנט פון דעם מלך פון אַשור. 31 איר זאָלט ניט
צוהערן צו חִזְקִיָהון, וואָרום אַזוי האָט געזאָגט דער מלך
פון אַשור: מאַכט מיט מיר שלום, און קומט אַרויס צו
מיר, און עסט איטלעכער פון זיין ווייַנשטאָק און איט־
לעכער פון זיין פייַגנבוים, און טרינקט איטלעכער דאָס
וואַסער פון זיין ברונעם. 32 ביז איך קום, און וועל אַייך
נעמען אין אַ לאַנד אַזוי ווי אַייער לאַנד, אַ לאַנד פון תבואה
און ווייַן, אַ לאַנד פון ברויט און ווייַנגערטנער, אַ לאַנד פון
אייַלבערטן און האָניק, כּדי איר זאָלט לעבן און ניט
שטאַרבן; און איר זאָלט ניט צוהערן צו חִזְקִיָהון, אַז ער
וועט אַייך אַייַנרעדן, אַזוי צו זאָגן: יהוה וועט אונדז מציל
זיין. 33 האָבן מציל דען מציל געווען די געטער פון די
פעלקער איטלעכער זיין לאַנד פון דער האַנט פון דעם
מלך פון אַשור? 34 ווו זייַנען די געטער פון חֲמָת, און
אַרפַּד? ווו זייַנען די געטער פון סְפַרוַיִם, הֵנַע, און עִוָה?
האָבן זיי דען מציל געווען שומרון פון מייַן האַנט? 35 ווער
זייַנען צווישן אַלע געטער פון די לענדער, וואָס האָבן
מציל געווען זייער לאַנד פון מייַן האַנט, אַז יהוה זאָל מציל
זיין ירושָלַיִם פון מייַן האַנט?

36 האָט דאָס פאָלק געשוויגן, און זיי האָבן אים אַ
וואָרט ניט געענטפערט, וואָרום דער באַפעל פון מלך איז געווען, אַזוי צו זאָגן: איר זאָלט אים ניט ענטפערן.

37 איז געקומען אֶליָקים דער זון פון חִלקִיָהן, וואָס איבערן פּאַלאַץ, און שֶבנאָ דער שרייַבער, און יוֹאָח דער זון
פון אָסָפן, דער דערמאָנער, צו חִזקִיָהון, מיט צעריסענע קליידער, און זיי האָבן אים דערציילט די ווערטער פון
רַבשָקֵהן.

ל חִזְקִיָּהוּ כִּי־לֹא יוּכַל לְהַצִּיל אֶתְכֶם מִיָּדוֹ׃ וְאַל־יַבְטַח
אֶתְכֶם חִזְקִיָּהוּ אֶל־יְהוָה לֵאמֹר הַצֵּל יַצִּילֵנוּ יְהוָה וְלֹא
לא תִנָּתֵן אֶת־הָעִיר הַזֹּאת בְּיַד מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ אַל־תִּשְׁמְעוּ אֶל־
חִזְקִיָּהוּ כִּי כֹה אָמַר מֶלֶךְ אַשּׁוּר עֲשׂוּ אִתִּי בְרָכָה וּצְאוּ
אֵלַי וְאִכְלוּ אִישׁ־גַּפְנוֹ וְאִישׁ תְּאֵנָתוֹ וּשְׁתוּ אִישׁ מֵי־בֹרוֹ׃
לב עַד־בֹּאִי וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם אֶל־אֶרֶץ כְּאַרְצְכֶם אֶרֶץ דָּגָן
וְתִירוֹשׁ אֶרֶץ לֶחֶם וּכְרָמִים אֶרֶץ זֵית יִצְהָר וּדְבַשׁ וִחְיוּ
וְלֹא תָמֻתוּ וְאַל־תִּשְׁמְעוּ אֶל־חִזְקִיָּהוּ כִּי־יַסִּית אֶתְכֶם
לג לֵאמֹר יְהוָה יַצִּילֵנוּ׃ הַהַצֵּל הִצִּילוּ אֱלֹהֵי הַגּוֹיִם אִישׁ
לד אֶת־אַרְצוֹ מִיַּד מֶלֶךְ אַשּׁוּר׃ אַיֵּה אֱלֹהֵי חֲמָת וְאַרְפָּד
אַיֵּה אֱלֹהֵי סְפַרְוַיִם הֵנַע וְעִוָּה כִּי־הִצִּילוּ אֶת־שֹׁמְרוֹן
לה מִיָּדִי׃ מִי בְּכָל־אֱלֹהֵי הָאֲרָצוֹת אֲשֶׁר־הִצִּילוּ אֶת־אַרְצָם
לו מִיָּדִי כִּי־יַצִּיל יְהוָה אֶת־יְרוּשָׁלִַם מִיָּדִי׃ וְהֶחֱרִישׁוּ הָעָם
וְלֹא־עָנוּ אֹתוֹ דָּבָר כִּי־מִצְוַת הַמֶּלֶךְ הִיא לֵאמֹר לֹא
לז תַעֲנֻהוּ׃ וַיָּבֹא אֶלְיָקִים בֶּן־חִלְקִיָּה אֲשֶׁר־עַל־הַבַּיִת וְשֶׁבְנָא
הַסֹּפֵר וְיוֹאָח בֶּן־אָסָף הַמַּזְכִּיר אֶל־חִזְקִיָּהוּ קְרוּעֵי בְגָדִים
וַיַּגִּדוּ לוֹ דִּבְרֵי רַבְשָׁקֵה׃

## יט

א וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ וַיִּקְרַע אֶת־בְּגָדָיו וַיִּתְכַּס
ב בַּשָּׂק וַיָּבֹא בֵּית יְהוָה׃ וַיִּשְׁלַח אֶת־אֶלְיָקִים אֲשֶׁר־עַל־
הַבַּיִת וְשֶׁבְנָא הַסֹּפֵר וְאֵת זִקְנֵי הַכֹּהֲנִים מִתְכַּסִּים
ג בַּשַּׂקִּים אֶל־יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא בֶּן־אָמוֹץ׃ וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו
כֹּה אָמַר חִזְקִיָּהוּ יוֹם־צָרָה וְתוֹכֵחָה וּנְאָצָה הַיּוֹם הַזֶּה
ד כִּי־בָאוּ בָנִים עַד־מַשְׁבֵּר וְכֹחַ אַיִן לְלֵדָה׃ אוּלַי יִשְׁמַע
יְהוָה אֱלֹהֶיךָ אֵת ׀ כָּל־דִּבְרֵי רַבְשָׁקֵה אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ מֶלֶךְ־
אַשּׁוּר ׀ אֲדֹנָיו לְחָרֵף אֱלֹהִים חַי וְהוֹכִיחַ בַּדְּבָרִים אֲשֶׁר
שָׁמַע יְהוָה אֱלֹהֶיךָ וְנָשָׂאתָ תְפִלָּה בְּעַד הַשְּׁאֵרִית

## יט

1 און עס איז געווען, ווי דער מלך חִזקִיָהוּ האָט עס געהערט, אַזוי האָט ער צעריסן זייַנע קליידער, און זיך צו־
געדעקט מיט זאַק, און ער איז געקומען אין הויז פון גאָט. 2 און ער האָט געשיקט אֶליָקימען וואָס איבערן
פּאַלאַץ, און שֶבנאָ דעם שרייַבער, און די עלטסטע פון די כּהנים, צוגעדעקט מיט זאַקקליידער, צו ישַעיָהו הנביא דעם
זון פון אָמוֹצן. 3 און זיי האָבן צו אים געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט חִזקִיָהו: אַ טאָג פון נויט און שטראָף און שמאַך איז
הייַנטיקער טאָג, וואָרום די קינדער זייַנען געקומען צום מוטערמויל, און ניטאָ קיין כּוח צו געבערן. 4 אפשר וועט יהוה
דייַן גאָט הערן אַלע ווערטער פון רַבשָקֵהן, וואָס זייַן האַר דער מלך פון אַשור האָט אים געשיקט צו לעסטערן דעם
לעבעדיקן גאָט, און ער וועט שטראָפן פאַר די רייד וואָס יהוה דייַן גאָט האָט געהערט; דרום זאָלסטו אויפהייבן אַ
תּפילה פאַר דעם איבערבלייב וואָס געפינט זיך דאָ.

ה הַנִּמְצָאָה: וַיָּבֹאוּ עַבְדֵי הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ אֶל־יְשַׁעְיָהוּ:
ו וַיֹּאמֶר לָהֶם יְשַׁעְיָהוּ כֹּה תֹאמְרוּן אֶל־אֲדֹנֵיכֶם כֹּה ׀ אָמַר
יְהוָה אַל־תִּירָא מִפְּנֵי הַדְּבָרִים אֲשֶׁר שָׁמַעְתָּ אֲשֶׁר גִּדְּפוּ
ז נַעֲרֵי מֶלֶךְ־אַשּׁוּר אֹתִי: הִנְנִי נֹתֵן בּוֹ רוּחַ וְשָׁמַע שְׁמוּעָה
ח וְשָׁב לְאַרְצוֹ וְהִפַּלְתִּיו בַּחֶרֶב בְּאַרְצוֹ: וַיָּשָׁב רַבְשָׁקֵה
וַיִּמְצָא אֶת־מֶלֶךְ אַשּׁוּר נִלְחָם עַל־לִבְנָה כִּי שָׁמַע כִּי נָסַע
ט מִלָּכִישׁ: וַיִּשְׁמַע אֶל־תִּרְהָקָה מֶלֶךְ־כּוּשׁ לֵאמֹר הִנֵּה יָצָא
לְהִלָּחֵם אִתָּךְ וַיָּשָׁב וַיִּשְׁלַח מַלְאָכִים אֶל־חִזְקִיָּהוּ לֵאמֹר:
י כֹּה תֹאמְרוּן אֶל־חִזְקִיָּהוּ מֶלֶךְ־יְהוּדָה לֵאמֹר אַל־יַשִּׁאֲךָ
אֱלֹהֶיךָ אֲשֶׁר אַתָּה בֹּטֵחַ בּוֹ לֵאמֹר לֹא תִנָּתֵן יְרוּשָׁלַםִ
יא בְּיַד מֶלֶךְ אַשּׁוּר: הִנֵּה ׀ אַתָּה שָׁמַעְתָּ אֵת אֲשֶׁר עָשׂוּ מַלְכֵי
יב אַשּׁוּר לְכָל־הָאֲרָצוֹת לְהַחֲרִימָם וְאַתָּה תִּנָּצֵל: הַהִצִּילוּ
אֹתָם אֱלֹהֵי הַגּוֹיִם אֲשֶׁר שִׁחֲתוּ אֲבוֹתַי אֶת־גּוֹזָן וְאֶת־
יג חָרָן וְרֶצֶף וּבְנֵי־עֶדֶן אֲשֶׁר בִּתְלַאשָּׂר: אַיּוֹ מֶלֶךְ־חֲמָת
יד וּמֶלֶךְ אַרְפָּד וּמֶלֶךְ לָעִיר סְפַרְוָיִם הֵנַע וְעִוָּה: וַיִּקַּח
חִזְקִיָּהוּ אֶת־הַסְּפָרִים מִיַּד הַמַּלְאָכִים וַיִּקְרָאֵם וַיַּעַל בֵּית
טו יְהוָה וַיִּפְרְשֵׂהוּ חִזְקִיָּהוּ לִפְנֵי יְהוָה: וַיִּתְפַּלֵּל
חִזְקִיָּהוּ לִפְנֵי יְהוָה וַיֹּאמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל יֹשֵׁב
הַכְּרֻבִים אַתָּה־הוּא הָאֱלֹהִים לְבַדְּךָ לְכֹל מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ
טז אַתָּה עָשִׂיתָ אֶת־הַשָּׁמַיִם וְאֶת־הָאָרֶץ: הַטֵּה יְהוָה ׀ אָזְנְךָ
וּשְׁמָע פְּקַח יְהוָה עֵינֶיךָ וּרְאֵה וּשְׁמַע אֵת דִּבְרֵי סַנְחֵרִיב
יז אֲשֶׁר שְׁלָחוֹ לְחָרֵף אֱלֹהִים חָי: אָמְנָם יְהוָה הֶחֱרִיבוּ
יח מַלְכֵי אַשּׁוּר אֶת־הַגּוֹיִם וְאֶת־אַרְצָם: וְנָתְנוּ אֶת־אֱלֹהֵיהֶם
בָּאֵשׁ כִּי לֹא אֱלֹהִים הֵמָּה כִּי אִם־מַעֲשֵׂה יְדֵי־אָדָם עֵץ
יט וָאֶבֶן וַיְאַבְּדוּם: וְעַתָּה יְהוָה אֱלֹהֵינוּ הוֹשִׁיעֵנוּ נָא מִיָּדוֹ
וְיֵדְעוּ כָּל־מַמְלְכוֹת הָאָרֶץ כִּי אַתָּה יְהוָה אֱלֹהִים לְבַדֶּךָ:
כ וַיִּשְׁלַח יְשַׁעְיָהוּ בֶן־אָמוֹץ אֶל־חִזְקִיָּהוּ לֵאמֹר כֹּה־

טז׳ קמץ בז״ק

5 און ווי די קנעכט פון מלך חִזְקִיָהון זיינען געקומען צו ישַעְיָהון, 6 האָט ישַעְיָהו צו זיי געזאָגט: אַזוי זאָלט איר זאָגן צו אַייער האַר: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זאָלסט ניט מורא האָבן פאַר די ווערטער וואָס דו האָסט געהערט, מיט וואָס די יונגען פון דעם מלך פון אַשור האָבן מיך געשענדט. 7 זע, איך גיב אַריין אין אים אַ גייסט, און ער וועט הערן אַ הערונג, און וועט זיך אומקערן צו זיין לאַנד; און איך וועל אים מאַכן פאַלן דורכן שווערד אין זיין לאַנד.

8 און רַבשָקֵה האָט זיך אומגעקערט, און האָט געפונען דעם מלך פון אַשור מלחמה האַלטנדיק אויף לִבנָה; וואָרום ער האָט געהאַט געהערט אַז ער האָט אַוועקגעצויגן פון לָכִיש.

9 און [סַנחֵריב] האָט געהערט אויף תִּרהָקָה דעם מלך פון כוש, אַזוי צו זאָגן: ער איז אַרויסגעגאַנגען מלחמה צו האַלטן מיט דיר. און ער האָט ווידער געשיקט שלוחים צו חִזקִיָהון, אַזוי צו זאָגן: 10 אַזוי זאָלט איר זאָגן צו חִזקִיָהו דעם מלך פון יהודה, אַזוי צו זאָגן: זאָל דיך ניט נאַרן דיין גאָט, וואָס דו פאַרזיכערסט זיך אויף אים, אַזוי צו זאָגן: ירושָלַיִם וועט ניט איבערגעגעבן ווערן אין דער האַנט פון דעם מלך פון אַשור. 11 אָט האָסטו געהערט וואָס די מלכים פון אַשור האָבן געטאָן צו אַלע לענדער, זיי צו פאַרוויסטן, און דו ווילסט ניצול ווערן? 12 האָבן די געטער פון די פעלקער מציל געווען די וואָס מיינע עלטערן האָבן צעשטערט, גוזָן, און חָרָן, און רֶצֶף, און די קינדער פון עֶדֶן וואָס אין תְּלַשָר? 13 ווו איז דער מלך פון חֲמָת, און דער מלך פון אַרפָּד, און דער מלך פון דער שטאָט ספַרוַיִם, פון הֵנַע, און עִוָה?

14 האָט חִזקִיָהו צוגענומען דעם בריוו פון דער האַנט פון די שלוחים, און האָט אים איבערגעלייענט; און ער איז אַרויפגעגאַנגען אין הויז פון גאָט; און חִזקִיָהו האָט אים אויסגעשפרייט פאַר גאָט. 15 און חִזקִיָהו האָט מתפלל געווען צו גאָט, און האָט געזאָגט: יהוה דו גאָט פון ישראל וואָס זיצט איבער די כרובים, דו אַליין ביסט דער גאָט איבער אַלע קיניגרייכן פון דער ערד; דו האָסט געמאַכט די הימלען און די ערד. 16 נייג, יהוה, דיין אויער, און הער; עפן, יהוה, דיינע אויגן, און זע; און הער די ווערטער פון סַנחֵריבן וואָס האָט אים געשיקט צו לעסטערן דעם לעבעדיקן גאָט. 17 אמת, יהוה, די מלכים פון אַשור האָבן חָרֵב געמאַכט די פעלקער און זייער לאַנד, 18 און זיי האָבן איבערגעגעבן זייערע געטער צום פייער; וואָרום זיי זיינען קיין געטער ניט געווען, נאָר בלויז דאָס ווערק פון אַ מענטשנס האַנט, האָלץ און שטיין; דרום האָבן זיי זיי אונטערגעבראַכט. 19 און אַצונד, יהוה אונדזער גאָט, העלף אונדז, איך בעט דיך, פון זיין האַנט, און זאָלן אַלע קיניגרייכן פון דער ערד וויסן, אַז דו יהוה אַליין ביסט גאָט.

20 האָט ישַעְיָהו דער זון פון אָמוֹצן געשיקט צו חִזקִיָהון, אַזוי צו זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל:

אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר הִתְפַּלַּלְתָּ אֵלַי אֶל־
כא סַנְחֵרִב מֶלֶךְ־אַשּׁוּר שָׁמָעְתִּי׃ זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר־דִּבֶּר יְהוָה
עָלָיו בָּזָה לְךָ לָעֲגָה לָךְ בְּתוּלַת בַּת־צִיּוֹן אַחֲרֶיךָ רֹאשׁ
כב הֵנִיעָה בַּת יְרוּשָׁלִָם׃ אֶת־מִי חֵרַפְתָּ וְגִדַּפְתָּ וְעַל־מִי
כג הֲרִימוֹתָ קּוֹל וַתִּשָּׂא מָרוֹם עֵינֶיךָ עַל־קְדוֹשׁ יִשְׂרָאֵל׃ בְּיַד
מַלְאָכֶיךָ חֵרַפְתָּ ׀ אֲדֹנָי וַתֹּאמֶר בְּרֹכֶב רִכְבִּי אֲנִי עָלִיתִי
מְרוֹם הָרִים יַרְכְּתֵי לְבָנוֹן וְאֶכְרֹת קוֹמַת אֲרָזָיו מִבְחוֹר
כד בְּרֹשָׁיו וְאָבוֹאָה מְלוֹן קִצֹּה יַעַר כַּרְמִלּוֹ׃ אֲנִי קַרְתִּי
וְשָׁתִיתִי מַיִם זָרִים וְאַחְרִב בְּכַף־פְּעָמַי כֹּל יְאֹרֵי מָצוֹר׃
כה הֲלֹא־שָׁמַעְתָּ לְמֵרָחוֹק אֹתָהּ עָשִׂיתִי לְמִימֵי קֶדֶם וִיצַרְתִּיהָ
עַתָּה הֲבֵיאתִיהָ וּתְהִי לְהַשְׁאוֹת גַּלִּים נִצִּים עָרִים בְּצֻרוֹת׃
כו וְיֹשְׁבֵיהֶן קִצְרֵי־יָד חַתּוּ וַיֵּבֹשׁוּ הָיוּ עֵשֶׂב שָׂדֶה וִירַק דֶּשֶׁא
כז חֲצִיר גַּגּוֹת וּשְׁדֵפָה לִפְנֵי קָמָה׃ וְשִׁבְתְּךָ וְצֵאתְךָ וּבֹאֲךָ
כח יָדָעְתִּי וְאֵת הִתְרַגֶּזְךָ אֵלָי׃ יַעַן הִתְרַגֶּזְךָ אֵלַי וְשַׁאֲנַנְךָ
עָלָה בְאָזְנָי וְשַׂמְתִּי חַחִי בְּאַפֶּךָ וּמִתְגִּי בִּשְׂפָתֶיךָ וַהֲשִׁבֹתִיךָ
כט בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־בָּאתָ בָּהּ׃ וְזֶה־לְּךָ הָאוֹת אָכוֹל הַשָּׁנָה
סָפִיחַ וּבַשָּׁנָה הַשֵּׁנִית סָחִישׁ וּבַשָּׁנָה הַשְּׁלִישִׁית זִרְעוּ
ל וְקִצְרוּ וְנִטְעוּ כְרָמִים וְאִכְלוּ פִרְיָם׃ וְיָסְפָה פְּלֵיטַת בֵּית־
לא יְהוּדָה הַנִּשְׁאָרָה שֹׁרֶשׁ לְמָטָּה וְעָשָׂה פְרִי לְמָעְלָה׃ כִּי
מִירוּשָׁלִַם תֵּצֵא שְׁאֵרִית וּפְלֵיטָה מֵהַר צִיּוֹן קִנְאַת יְהוָה
לב תַּעֲשֶׂה־זֹּאת׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אֶל־מֶלֶךְ
אַשּׁוּר לֹא יָבֹא אֶל־הָעִיר הַזֹּאת וְלֹא־יוֹרֶה שָׁם חֵץ וְלֹא־
לג יְקַדְּמֶנָּה מָגֵן וְלֹא־יִשְׁפֹּךְ עָלֶיהָ סֹלְלָה׃ בַּדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־
יָבֹא בָּהּ יָשׁוּב וְאֶל־הָעִיר הַזֹּאת לֹא יָבֹא נְאֻם־יְהוָה׃
לד וְגַנּוֹתִי אֶל־הָעִיר הַזֹּאת לְהוֹשִׁיעָהּ לְמַעֲנִי וּלְמַעַן דָּוִד
לה עַבְדִּי׃ וַיְהִי בַּלַּיְלָה הַהוּא וַיֵּצֵא ׀ מַלְאַךְ יְהוָה
וַיַּךְ בְּמַחֲנֵה אַשּׁוּר מֵאָה שְׁמוֹנִים וַחֲמִשָּׁה אָלֶף וַיַּשְׁכִּימוּ

כ׳ למדנחאי על  כג׳ ברב ק  קצו קרי  כה׳ יתיר י
ל׳ כיא בת  לא׳ צבאות קרי ולא כתיב ובס״א קרי וכתיב  לג׳ כ״א על־

וואָס דו האָסט מתפלל געווען צו מיר וועגן סַנחֵריב דעם מלך פון אַשור, האָב איך צוגעהערט. [21] דאָס איז דאָס וואָרט וואָס גאָט האָט וועגן אים גערעדט:

עס פאַראַכט דיך, עס שפּאָט פון דיר
די יונגפרוי טאָכטער ציון;
עס שאָקלט דעם קאָפּ הינטער דיר
די טאָכטער ירושָלַיִם.
[22] ווּעמען האָסטו געלעסטערט און געשענדט?
און אויף וועמען האָסטו דיין קול אויפגעהויבן?
יאָ, האָסט געהויבן דיינע אויגן אין דער הייך
אַקעגן דעם הייליקן פון ישראל.
[23] דורך דיינע שלוחים האָסטו געלעסטערט גאָט,
און געזאָגט: מיט מיינע פיל רייטוועגן
בין איך צו דער הייך פון די בערג אַרויף,
צו די ווינקלען פון לבָנון;
און איך האַק אָפּ זיינע הויכע צעדערן,
זיינע געקליבענע ציפּרעסביימער;
און איך קום צו זיין עקסטן האַרבעריק,
צום וואַלד פון זיין פרוכטגאָרטן.
[24] איך האָב געגראָבן און געטרונקען
וואַסערן פרעמדע,
און טריקן אויס מיט מיינע פוסטריט
אַלע טייכן פון מִצרַיִם.

[25] האָסטו דען ניט געהערט?
פון לאַנג אָן האָב איך עס צוגעגרייט,
פון אַלטע טעג האָב איך עס געפורעמט;
אַצונד האָב איך עס געבראַכט עס זאָל געשען,
כדי צו פאַרוויסטן אויף חורבה־הויפנס
באַפעסטיקטע שטעט.
[26] דרום זיינען זייערע באַוווינער קורצמאַכטיק,
זיי זיינען צעבראָכן און פאַרשעמט;
זיי זיינען געוואָרן גראָז פון פעלד,
און קרייטעכץ גרינע,
מאָך פון די דעכער,
און תּבואה פאַרדאַרט איידער אויפגעוואַקסן.

[27] אָבער איך ווייס דיין זיצן,
און דיין גיין און דיין קומען,
און דיין שטורעמען קעגן מיר.
[28] ווייל דיין שטורעמען קעגן מיר
און דיין ליאַרעם איז אַרויף אין מיינע אויערן,
דרום וועל איך אַריינטאָן מיין רינג אין דיין נאָז,
און מיין צאַם אין דיינע ליפּן,
און איך וועל דיך אומקערן אויף דעם וועג
וואָס דו ביסט געקומען אויף אים.

[29] און דאָס וועט דיר זיין דער צייכן:
איר וועט עסן הײַיאָר נאָכוווּקס,
און אויפן צווייטן יאָר ווידערוווּקס;
און אויפן דריטן יאָר, זייט און שניידט,
און פלאַנצט ווייגערטנער, און עסט זייער פרוכט.
[30] און דער אַנטרונענער איבערבלייב פון דעם הויז
פון יהודה
וועט ווידער וואָרצלען אונטן, און טראָגן פרוכט אויבן.
[31] וואָרום פון ירושָלַיִם וועט אַרויסקומען אַן איבעבלייב,
און אַן אַנטרינונג פון באַרג צִיון;
דאָס אָנגעמען זיך פון גאָט פון צבָאות וועט דאָס טאָן.

[32] פאַרוואָר, אַזוי האָט גאָט געזאָגט אויפן מלך פון אַשור:
ער וועט ניט אַריינקומען אין דערדאָזיקער שטאָט,
און ניט אַריינשיסן אַהין אַ פייל,
און ניט קומען פאַר איר מיט אַ שילד,
און ניט אָנשיטן אַרום איר אַן ערדוואַל.
[33] אויף דעם וועג וואָס ער איז געקומען,
אויף אים וועט ער זיך אומקערן,
און אין דערדאָזיקער שטאָט
וועט ער ניט אַריינקומען, זאָגט גאָט.
[34] און איך וועל באַשירעמען דידאָזיקע שטאָט, זי צו העלפן,
פון מיינעטוועגן און פון מיין קנעכט דודס וועגן.

[35] און עס איז געווען אין יענער נאַכט, איז אַרויסגעגאַנגען אַ מלאך פון גאָט און האָט געשלאָגן אין לאַגער פון אַשור

בַבֹּקֶר וְהִנֵּה כֻלָּם פְּגָרִים מֵתִים׃ וַיִּסַּע וַיֵּלֶךְ וַיָּשָׁב לו
סַנְחֵרִיב מֶלֶךְ־אַשּׁוּר וַיֵּשֶׁב בְּנִינְוֵה׃ וַיְהִי הוּא מִשְׁתַּחֲוֶה לז
בֵּית ׀ נִסְרֹךְ אֱלֹהָיו וְאַדְרַמֶּלֶךְ וְשַׂרְאֶצֶר הִכֻּהוּ
בַחֶרֶב וְהֵמָּה נִמְלְטוּ אֶרֶץ אֲרָרָט וַיִּמְלֹךְ אֵסַר־חַדֹּן
בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃

כ

בַּיָּמִים הָהֵם חָלָה חִזְקִיָּהוּ לָמוּת וַיָּבֹא אֵלָיו יְשַׁעְיָהוּ א
בֶן־אָמוֹץ הַנָּבִיא וַיֹּאמֶר אֵלָיו כֹּה־אָמַר יְהוָה צַו לְבֵיתֶךָ
כִּי מֵת אַתָּה וְלֹא תִחְיֶה׃ וַיַּסֵּב אֶת־פָּנָיו אֶל־הַקִּיר וַיִּתְפַּלֵּל ב
אֶל־יְהוָה לֵאמֹר׃ אָנָּה יְהוָה זְכָר־נָא אֵת אֲשֶׁר הִתְהַלַּכְתִּי ג
לְפָנֶיךָ בֶּאֱמֶת וּבְלֵבָב שָׁלֵם וְהַטּוֹב בְּעֵינֶיךָ עָשִׂיתִי וַיֵּבְךְּ
חִזְקִיָּהוּ בְּכִי גָדוֹל׃ וַיְהִי יְשַׁעְיָהוּ לֹא יָצָא הָעִיר ד
הַתִּיכֹנָה וּדְבַר יְהוָה הָיָה אֵלָיו לֵאמֹר׃ שׁוּב וְאָמַרְתָּ אֶל־ ה
חִזְקִיָּהוּ נְגִיד־עַמִּי כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי דָּוִד אָבִיךָ
שָׁמַעְתִּי אֶת־תְּפִלָּתֶךָ רָאִיתִי אֶת־דִּמְעָתֶךָ הִנְנִי רֹפֶא לָךְ
בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי תַּעֲלֶה בֵּית יְהוָה׃ וְהֹסַפְתִּי עַל־יָמֶיךָ ו
חֲמֵשׁ עֶשְׂרֵה שָׁנָה וּמִכַּף מֶלֶךְ־אַשּׁוּר אַצִּילְךָ וְאֵת הָעִיר
הַזֹּאת וְגַנּוֹתִי עַל־הָעִיר הַזֹּאת לְמַעֲנִי וּלְמַעַן דָּוִד עַבְדִּי׃
וַיֹּאמֶר יְשַׁעְיָהוּ קְחוּ דְּבֶלֶת תְּאֵנִים וַיִּקְחוּ וַיָּשִׂימוּ עַל־ ז
הַשְּׁחִין וַיֶּחִי׃ וַיֹּאמֶר חִזְקִיָּהוּ אֶל־יְשַׁעְיָהוּ מָה אוֹת כִּי־ ח
יִרְפָּא יְהוָה לִי וְעָלִיתִי בַּיּוֹם הַשְּׁלִישִׁי בֵּית יְהוָה׃ וַיֹּאמֶר ט
יְשַׁעְיָהוּ זֶה־לְּךָ הָאוֹת מֵאֵת יְהוָה כִּי יַעֲשֶׂה יְהוָה אֶת־
הַדָּבָר אֲשֶׁר דִּבֵּר הָלַךְ הַצֵּל עֶשֶׂר מַעֲלוֹת אִם־יָשׁוּב
עֶשֶׂר מַעֲלוֹת׃ וַיֹּאמֶר יְחִזְקִיָּהוּ נָקֵל לַצֵּל לִנְטוֹת עֶשֶׂר י
מַעֲלוֹת לֹא כִּי יָשׁוּב הַצֵּל אֲחֹרַנִּית עֶשֶׂר מַעֲלוֹת׃ וַיִּקְרָא יא
יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־יְהוָה וַיָּשֶׁב אֶת־הַצֵּל בַּמַּעֲלוֹת אֲשֶׁר
יָרְדָה בְּמַעֲלוֹת אָחָז אֲחֹרַנִּית עֶשֶׂר מַעֲלוֹת׃ בָּעֵת יב

יט, לז׳ בניו ק ולא כתיב   כ, ד׳ חצר קרי

הונדערט און פינף און אַכציק טויזנט. און אַז מע האָט זיך געפעדערט אין דער פרי, ערשט זיי זיינען אַלע טויטע פגרים.

[36] און סַנחֵריב דער מלך פון אַשור האָט אַוועקגעצויגן, און איז געגאַנגען און האָט זיך אומגעקערט; און ער איז געבליבן אין נינוֵה.

[37] און עס איז געווען, ווי ער בוקט זיך אין הויז פון זיין גאָט נִסרוֹך, אַזוי האָבן זיינע זין אַדרַמֶלֶך און שַרְאֶצֶר אים דערשלאָגן מיטן שווערד; און זיי זיינען אַנטרונען געוואָרן אין לאַנד אַרָרָט. און זיין זון אֵסַר־חַדוֹן איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

כ [1] אין יענע טעג איז חִזקִיָהו קראַנק געוואָרן צום שטאַרבן; איז צו אים געקומען ישַעיָהו הנביא דער זון פון אָמוֹצן, און האָט צו אים געזאָגט: אַזוי האָט גאָט געזאָגט: מאַך דיין צַוָואָה וועגן דיין הויזגעזינט, וואָרום דו שטאַרבסט, און וועסט ניט גענעזן ווערן.

[2] האָט ער אומגעדרייט זיין פנים צו דער וואַנט, און האָט מתפלל געווען צו גאָט, אַזוי צו זאָגן: [3] איך בעט דיך, גאָט, געדענק ווי איך בין געגאַנגען פאַר דיר מיט אמת, און מיט אַ גאַנצן האַרצן, און וואָס איז גוט אין דיינע אויגן האָב איך געטאָן.

און חִזקִיָהו האָט געוויינט אַ גרויס געוויין.

[4] און עס איז געווען, ווען ישַעיָהו איז נאָך ניט געווען אַרויסגעגאַנגען פון דעם מיטלסטן הויף, איז דאָס וואָרט פון גאָט געווען צו אים, אַזוי צו זאָגן: [5] קער זיך אום, און זאָלסט זאָגן צו חִזקִיָהו דעם פירשט פון מיין פאָלק: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון דיין פאָטער דודן: איך האָב געהערט דיין תפילה, איך האָב געזען דיין טרער; זע, איך הייל דיך; אויפן דריטן טאָג וועסטו אַרויפגיין אין הויז פון גאָט. [6] און איך וועל צולייגן צו דיינע טעג פופצן יאָר, און פון דער האַנט פון דעם מלך פון אַשור וועל איך דיך און דיזאָזיקע שטאָט מציל זיין, און איך וועל באַשירעמען דיזאָזיקע שטאָט פון מיינעטוועגן און פון מיין קנעכט דודס וועגן.

[7] און ישַעיָהו האָט געזאָגט: נעמט געפרעסטע פייגן. און זיי האָבן עס גענומען און אַרויפגעטאָן אויפן אויסשלאַג, און ער איז גענעזן געוואָרן.

[8] און חִזקִיָהו האָט געזאָגט צו ישַעיָהון: וואָס איז דער צייכן אַז גאָט וועט מיך היילן, און איך וועל אַרויפגיין אויפן דריטן טאָג אין הויז פון גאָט? [9] האָט ישַעיָהו געזאָגט: דאָס וועט דיר זיין דער צייכן פון גאָט, אַז גאָט וועט טאָן די זאַך וואָס ער האָט גערעדט: זאָל דער שאָטן גיין צען שטאַפּלען ווייטער, אָדער זיך אומקערן צען שטאַפּלען? [10] האָט יחִזקִיָהו געזאָגט: גרינג איז דעם שאָטן זיך אַראָפּצונייגן צען שטאַפּלען; ניין, נייערט דער שאָטן זאָל זיך אומקערן אויף צוריק צען שטאַפּלען.

[11] האָט ישַעיָהו הנביא גערופן צו גאָט, און ער האָט אומגעקערט דעם שאָטן צען שטאַפּלען צוריק אויף די שטאַפּלען וואָס ער האָט געהאַט אַראָפּגענידערט אויף די שטאַפּלען פון אָחָזן.

[12] אין יענער צייט האָט בראדך־בלאֲדן דער זון פון בלאֲדנען, דער מלך פון בבל, געשיקט אַ בריוו און אַ מתנה צו חזקיָהון, וואָרום ער האָט געהערט אַז חזקיָהו איז געווען קראַנק. [13] און חזקיָהו האָט זיי צוגעהערט, און ער האָט זיי געוויזן זיין גאַנץ שאַצהויז, דאָס זילבער און דאָס גאָלד, און די בשמים, און דאָס גוטע אייל, און דאָס גאַנצע הויז פון זיינע וואַפן, און אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין זיינע שאַצקאַמערן; ניט געווען אַ זאַך אין זיין הויז, און אין זיין גאַנצער געוועלטיקייט, וואָס חזקיָהו האָט זיי ניט געוויזן.

[14] איז ישעיָהו הנביא געקומען צום מלך חזקיָהון, און האָט צו אים געזאָגט: וואָס האָבן די־דאָזיקע מענטשן געזאָגט? און פון וואַנען קומען זיי צו דיר? האָט חזקיָהו געזאָגט: פון אַ ווייטן לאַנד זיינען זיי געקומען, פון בבל. [15] האָט ער געזאָגט: וואָס האָבן זיי געזען אין דיין הויז? האָט חזקיָהו געזאָגט: אַלץ וואָס אין מיין הויז האָבן זיי געזען: ניט געווען אַ זאַך אין מיינע שאַצקאַמערן וואָס איך האָב זיי ניט געוויזן.

[16] האָט ישעיָהו געזאָגט צו חזקיָהון: הער דאָס וואָרט פון גאָט: [17] זע, טעג קומען, און אַלץ וואָס אין דיין הויז, און וואָס דיינע עלטערן האָבן אָנגעקליבן ביז הייַנטיקן טאָג, וועט אַוועקגעטראָגן ווערן קיין בבל; קיין זאַך וועט ניט איבערבלייבן, זאָגט גאָט. [18] און פון דיינע זין וואָס וועלן אַרויסגיין פון דיר, וואָס דו וועסט געבערן, וועט מען נעמען, און זיי וועלן זיין הויפדינער אין פּאַלאַץ פון דעם מלך פון בבל.

[19] האָט חזקיָהו געזאָגט צו ישעיָהון: גוט איז דאָס וואָרט פון גאָט וואָס דו האָסט גערעדט. און ער האָט געזאָגט: פאַרוואָר, אויב שלום און זיכערקייט וועט זיין אין מיינע טעג!

[20] און די איבעריקע זאַכן וועגן חזקיָהון, און זיין גאַנצע גבורהשאַפט, און ווי ער האָט געמאַכט דעם טייך און דעם גראָבן, און אַריינגעבראַכט וואַסער אין שטאָט, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון יהודה.

[21] און חזקיָהו האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און זיין זון מנשה איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

# כא

[1] צוועלף יאָר איז מנשה אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און פינף און פופציק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושלַים. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען חֶפצי־בָה.
[2] און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי די אומווערדיקייטן פון די פעלקער וואָס גאָט האָט פאַרטריבן פון פאַר די קינדער פון ישראל. [3] און ער האָט אָפּגעבויט די בָמות וואָס זיין פאָטער חזקיָהו האָט צעשטערט, און ער האָט אויפגעשטעלט מזבחות צו בַעַל, און האָט געמאַכט אַן אֲשֵרָה, אַזוי ווי אַחְאָב דער מלך פון ישראל

הַהִוא שָׁלַח בְּרֹאדַךְ בַּלְאֲדָן בֶּן־בַּלְאֲדָן מֶלֶךְ־בָּבֶל סְפָרִים
יג וּמִנְחָה אֶל־חִזְקִיָּהוּ כִּי שָׁמַע כִּי חָלָה חִזְקִיָּהוּ׃ וַיִּשְׁמַע
עֲלֵיהֶם חִזְקִיָּהוּ וַיַּרְאֵם אֶת־כָּל־בֵּית נְכֹתֹה אֶת־הַכֶּסֶף
וְאֶת־הַזָּהָב וְאֶת־הַבְּשָׂמִים וְאֵת ׀ שֶׁמֶן הַטּוֹב וְאֵת בֵּית
כֵּלָיו וְאֵת כָּל־אֲשֶׁר נִמְצָא בְּאוֹצְרֹתָיו לֹא־הָיָה דָבָר
יד אֲשֶׁר לֹא־הֶרְאָם חִזְקִיָּהוּ בְּבֵיתוֹ וּבְכָל־מֶמְשַׁלְתּוֹ׃ וַיָּבֹא
יְשַׁעְיָהוּ הַנָּבִיא אֶל־הַמֶּלֶךְ חִזְקִיָּהוּ וַיֹּאמֶר אֵלָיו מָה־אָמְרוּ ׀
הָאֲנָשִׁים הָאֵלֶּה וּמֵאַיִן יָבֹאוּ אֵלֶיךָ וַיֹּאמֶר חִזְקִיָּהוּ מֵאֶרֶץ
טו רְחוֹקָה בָּאוּ מִבָּבֶל׃ וַיֹּאמֶר מָה רָאוּ בְּבֵיתֶךָ וַיֹּאמֶר
חִזְקִיָּהוּ אֵת כָּל־אֲשֶׁר בְּבֵיתִי רָאוּ לֹא־הָיָה דָבָר אֲשֶׁר
טז לֹא־הִרְאִיתִם בְּאֹצְרֹתָי׃ וַיֹּאמֶר יְשַׁעְיָהוּ אֶל־חִזְקִיָּהוּ
יז שְׁמַע דְּבַר־יְהוָה׃ הִנֵּה יָמִים בָּאִים וְנִשָּׂא ׀ כָּל־אֲשֶׁר
בְּבֵיתֶךָ וַאֲשֶׁר אָצְרוּ אֲבֹתֶיךָ עַד־הַיּוֹם הַזֶּה בָּבֶלָה לֹא־
יח יִוָּתֵר דָּבָר אָמַר יְהוָה׃ וּמִבָּנֶיךָ אֲשֶׁר יֵצְאוּ מִמְּךָ אֲשֶׁר
יט תּוֹלִיד יִקָּח וְהָיוּ סָרִיסִים בְּהֵיכַל מֶלֶךְ בָּבֶל׃ וַיֹּאמֶר
חִזְקִיָּהוּ אֶל־יְשַׁעְיָהוּ טוֹב דְּבַר־יְהוָה אֲשֶׁר דִּבַּרְתָּ וַיֹּאמֶר
כ הֲלוֹא אִם־שָׁלוֹם וֶאֱמֶת יִהְיֶה בְיָמָי׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי חִזְקִיָּהוּ
וְכָל־גְּבוּרָתוֹ וַאֲשֶׁר עָשָׂה אֶת־הַבְּרֵכָה וְאֶת־הַתְּעָלָה וַיָּבֵא
אֶת־הַמַּיִם הָעִירָה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי
כא הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּשְׁכַּב חִזְקִיָּהוּ עִם־אֲבֹתָיו וַיִּמְלֹךְ
מְנַשֶּׁה בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

## כא

א בֶּן־שְׁתֵּים עֶשְׂרֵה שָׁנָה מְנַשֶּׁה בְמָלְכוֹ וַחֲמִשִּׁים וְחָמֵשׁ
ב שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָ͏ִם וְשֵׁם אִמּוֹ חֶפְצִי־בָהּ׃ וַיַּעַשׂ הָרַע
בְּעֵינֵי יְהוָה כְּתוֹעֲבֹת הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הוֹרִישׁ יְהוָה מִפְּנֵי
ג בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃ וַיָּשָׁב וַיִּבֶן אֶת־הַבָּמוֹת אֲשֶׁר אִבַּד חִזְקִיָּהוּ
אָבִיו וַיָּקֶם מִזְבְּחֹת לַבַּעַל וַיַּעַשׂ אֲשֵׁרָה כַּאֲשֶׁר עָשָׂה

כ, יג׳ נכותו ק׳ כצ״ל יח׳ יקחו ק׳ יט׳ פתח באתנח

אַחְאָב מֶלֶךְ יִשְׂרָאֵל וַיִּשְׁתַּחוּ לְכָל־צְבָא הַשָּׁמַיִם וַיַּעֲבֹד
אֹתָם׃ וּבָנָה מִזְבְּחֹת בְּבֵית יְהוָה אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה ד
בִּירוּשָׁלִַם אָשִׂים אֶת־שְׁמִי׃ וַיִּבֶן מִזְבְּחוֹת לְכָל־צְבָא ה
הַשָּׁמָיִם בִּשְׁתֵּי חַצְרוֹת בֵּית־יְהוָה׃ וְהֶעֱבִיר אֶת־בְּנוֹ ו
בָּאֵשׁ וְעוֹנֵן וְנִחֵשׁ וְעָשָׂה אוֹב וְיִדְּעֹנִים הִרְבָּה לַעֲשׂוֹת
הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה לְהַכְעִיס׃ וַיָּשֶׂם אֶת־פֶּסֶל הָאֲשֵׁרָה ז
אֲשֶׁר עָשָׂה בַּבַּיִת אֲשֶׁר אָמַר יְהוָה אֶל־דָּוִד וְאֶל־שְׁלֹמֹה
בְנוֹ בַּבַּיִת הַזֶּה וּבִירוּשָׁלִַם אֲשֶׁר בָּחַרְתִּי מִכֹּל שִׁבְטֵי
יִשְׂרָאֵל אָשִׂים אֶת־שְׁמִי לְעוֹלָם׃ וְלֹא אֹסִיף לְהָנִיד רֶגֶל ח
יִשְׂרָאֵל מִן־הָאֲדָמָה אֲשֶׁר נָתַתִּי לַאֲבוֹתָם רַק ׀ אִם־יִשְׁמְרוּ
לַעֲשׂוֹת כְּכֹל אֲשֶׁר צִוִּיתִים וּלְכָל־הַתּוֹרָה אֲשֶׁר־צִוָּה אֹתָם
עַבְדִּי מֹשֶׁה׃ וְלֹא שָׁמֵעוּ וַיַּתְעֵם מְנַשֶּׁה לַעֲשׂוֹת אֶת־הָרָע ט
מִן־הַגּוֹיִם אֲשֶׁר הִשְׁמִיד יְהוָה מִפְּנֵי בְּנֵי יִשְׂרָאֵל׃
וַיְדַבֵּר יְהוָה בְּיַד־עֲבָדָיו הַנְּבִיאִים לֵאמֹר׃ יַעַן אֲשֶׁר יא
עָשָׂה מְנַשֶּׁה מֶלֶךְ־יְהוּדָה הַתֹּעֵבוֹת הָאֵלֶּה הֵרַע מִכֹּל
אֲשֶׁר־עָשׂוּ הָאֱמֹרִי אֲשֶׁר לְפָנָיו וַיַּחֲטִא גַם־אֶת־יְהוּדָה
בְּגִלּוּלָיו׃ לָכֵן כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל הִנְנִי יב
מֵבִיא רָעָה עַל־יְרוּשָׁלִַם וִיהוּדָה אֲשֶׁר כָּל־שֹׁמְעָיו תִּצַּלְנָה
שְׁתֵּי אָזְנָיו׃ וְנָטִיתִי עַל־יְרוּשָׁלִַם אֵת קָו שֹׁמְרוֹן וְאֶת־ יג
מִשְׁקֹלֶת בֵּית אַחְאָב וּמָחִיתִי אֶת־יְרוּשָׁלִַם כַּאֲשֶׁר־יִמְחֶה
אֶת־הַצַּלַּחַת מָחָה וְהָפַךְ עַל־פָּנֶיהָ׃ וְנָטַשְׁתִּי אֵת שְׁאֵרִית יד
נַחֲלָתִי וּנְתַתִּים בְּיַד אֹיְבֵיהֶם וְהָיוּ לְבַז וְלִמְשִׁסָּה לְכָל־
אֹיְבֵיהֶם׃ יַעַן אֲשֶׁר עָשׂוּ אֶת־הָרַע בְּעֵינַי וַיִּהְיוּ מַכְעִסִים טו
אֹתִי מִן־הַיּוֹם אֲשֶׁר יָצְאוּ אֲבוֹתָם מִמִּצְרַיִם וְעַד הַיּוֹם הַזֶּה׃
וְגַם דָּם נָקִי שָׁפַךְ מְנַשֶּׁה הַרְבֵּה מְאֹד עַד אֲשֶׁר־מִלֵּא טז
אֶת־יְרוּשָׁלִַם פֶּה לָפֶה לְבַד מֵחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־
יְהוּדָה לַעֲשׂוֹת הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי מְנַשֶּׁה יז

ח׳ בס״א לכל   ט׳ קמץ בז״ק   יב׳ שמעה קרי

האָט געטאָן, און ער האָט זיך געבוקט צום גאַנצן חיל פון הימל, און זיי געדינט. 4 און ער האָט געבויט מזבחות אין הויז פון גאָט, וואָס גאָט האָט געזאָגט: אין ירושָלַיִם וועל איך טאָן מיין נאָמען. 5 און ער האָט געבויט מזבחות צום גאַנצן חיל פון הימל אין ביידע הויפן פון גאָטס הויז. 6 און ער האָט געמאַכט דורכגיין זיין זון דורכן פייער*, און האָט געברויכט צייכנזעעריי און געצויבערט, און איינגעשאַפט גייסטערזעער און טויטנבאַשווערער; ער האָט געמערט צו טאָן שלעכטס אין די אויגן פון גאָט, צו דערצערענען. 7 און ער האָט אַריינגעשטעלט דעם געץ פון דער אֲשֵׁרָה וואָס ער האָט געמאַכט, אין דעם הויז וואָס גאָט האָט געזאָגט צו דודן און צו זיין זון שלמהן: אין דעמדאָזיקן הויז און אין ירושָלַיִם וואָס איך האָב אויסדערוויילט פון אַלע שבטים פון ישׂראל, וועל איך טאָן מיין נאָמען אויף אייביק; 8 און איך וועל מער ניט פאַרוואָגלען דעם פוס פון ישׂראל פון דער ערד וואָס איך האָב געגעבן זייערע עלטערן, אויב זיי וועלן נאָר היטן צו טאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס איך האָב זיי באַפוילן, און לויט דער גאַנצער תורה וואָס מיין קנעכט משה האָט זיי באַפוילן. 9 אָבער זיי האָבן ניט צוגעהערט; און מנשה האָט זיי פאַרפירט צו טאָן מער שלעכטס ווי די פעלקער וואָס גאָט האָט פאַרטיליקט פון פאַר די קינדער פון ישׂראל.

10 און גאָט האָט גערעדט דורך זיינע קנעכט די נביאים, אַזוי צו זאָגן: 11 ווייל מנשה דער מלך פון יהודה האָט געטאָן דידאָזיקע אומווערדיקייטן, איז באַגאַנגען ערגערס ווי אַלץ וואָס די אֱמוֹרים וואָס פאַר אים האָבן געטאָן, און האָט אויך געמאַכט זינדיקן יהודה מיט זיינע אָפּגעטער, 12 דרום האָט אַזוי געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישׂראל: זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף ירושָלַיִם און יהודה, אַז איטלעכער וואָס הערט עס, וועלן קלינגען זיינע ביידע אויערן. 13 און איך וועל ציִען אויף ירושָלַיִם די מעסטשנור פון שומרון, און די וואָגשנור פון אַחְאָבס הויז; און איך וועל אויסווישן ירושָלַיִם, אַזוי ווי מע ווישט אויס אַ שיסל, אויסגעווישט און אומגעקערט אויף איר פּנים. 14 און איך וועל אַוועקוואַרפן דעם איבערבלייב פון מיין אַרב, און וועל זיי געבן אין דער האַנט פון זייערע פיינט, און זיי וועלן זיין צו רויב און צו אויסרויבונג פאַר אַלע זייערע פיינט. 15 ווייל זיי האָבן געטאָן וואָס איז שלעכט אין מיינע אויגן, און האָבן מיך דערצערנט פון דעם טאָג וואָס זייערע עלטערן זיינען אַרויסגעגאַנגען פון מִצרַיִם און ביז אויף היינטיקן טאָג.

16 און אויך אומשולדיק בלוט האָט מנשה פאַרגאָסן זייער פיל, ביז ער האָט אָנגעפילט ירושָלַיִם פון עק צו עק; אַחוץ זיין זינד וואָס ער האָט געמאַכט זינדיקן יהודה, צו טאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט.

17 און די איבעריקע זאַכן וועגן מנשהן, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, און זיין זינד וואָס ער האָט געזינדיקט,

* פאַרברענט צום גאָט מולֶך.

וְכָל־אֲשֶׁר עָשָׂה וְחַטָּאתוֹ אֲשֶׁר חָטָא הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים
יח עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּשְׁכַּב מְנַשֶּׁה עִם־
אֲבֹתָיו וַיִּקָּבֵר בְּגַן־בֵּיתוֹ בְּגַן־עֻזָּא וַיִּמְלֹךְ אָמוֹן בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃
יט בֶּן־עֶשְׂרִים וּשְׁתַּיִם שָׁנָה אָמוֹן בְּמָלְכוֹ וּשְׁתַּיִם
שָׁנִים מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ מְשֻׁלֶּמֶת בַּת־חָרוּץ מִן־
כ יָטְבָה׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כַּאֲשֶׁר עָשָׂה מְנַשֶּׁה אָבִיו׃
כא וַיֵּלֶךְ בְּכָל־הַדֶּרֶךְ אֲשֶׁר־הָלַךְ אָבִיו וַיַּעֲבֹד אֶת־הַגִּלֻּלִים
כב אֲשֶׁר עָבַד אָבִיו וַיִּשְׁתַּחוּ לָהֶם׃ וַיַּעֲזֹב אֶת־יְהוָה אֱלֹהֵי
כג אֲבֹתָיו וְלֹא־הָלַךְ בְּדֶרֶךְ יְהוָה׃ וַיִּקְשְׁרוּ עַבְדֵי־אָמוֹן עָלָיו
כד וַיָּמִיתוּ אֶת־הַמֶּלֶךְ בְּבֵיתוֹ׃ וַיַּךְ עַם־הָאָרֶץ אֵת כָּל־הַקֹּשְׁרִים
עַל־הַמֶּלֶךְ אָמוֹן וַיַּמְלִיכוּ עַם־הָאָרֶץ אֶת־יֹאשִׁיָּהוּ בְנוֹ
כה תַּחְתָּיו׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי אָמוֹן אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים
כו עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּקְבֹּר אֹתוֹ בִּקְבֻרָתוֹ
בְּגַן־עֻזָּא וַיִּמְלֹךְ יֹאשִׁיָּהוּ בְנוֹ תַּחְתָּיו׃

## כב

א בֶּן־שְׁמֹנֶה שָׁנָה יֹאשִׁיָּהוּ בְמָלְכוֹ וּשְׁלֹשִׁים וְאַחַת שָׁנָה
מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ יְדִידָה בַת־עֲדָיָה מִבָּצְקַת׃
ב וַיַּעַשׂ הַיָּשָׁר בְּעֵינֵי יְהוָה וַיֵּלֶךְ בְּכָל־דֶּרֶךְ דָּוִד אָבִיו וְלֹא־
ג סָר יָמִין וּשְׂמֹאול׃ וַיְהִי בִּשְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה שָׁנָה
לַמֶּלֶךְ יֹאשִׁיָּהוּ שָׁלַח הַמֶּלֶךְ אֶת־שָׁפָן בֶּן־אֲצַלְיָהוּ בֶן־
ד מְשֻׁלָּם הַסֹּפֵר בֵּית יְהוָה לֵאמֹר׃ עֲלֵה אֶל־חִלְקִיָּהוּ
הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל וְיַתֵּם אֶת־הַכֶּסֶף הַמּוּבָא בֵּית יְהוָה אֲשֶׁר
ה אָסְפוּ שֹׁמְרֵי הַסַּף מֵאֵת הָעָם׃ וְיִתְּנָה עַל־יַד עֹשֵׂי
הַמְּלָאכָה הַמֻּפְקָדִים בְּבֵית יְהוָה וְיִתְּנוּ אֹתוֹ לְעֹשֵׂי
ו הַמְּלָאכָה אֲשֶׁר בְּבֵית יְהוָה לְחַזֵּק בֶּדֶק הַבָּיִת׃ לֶחָרָשִׁים
וְלַבֹּנִים וְלַגֹּדְרִים וְלִקְנוֹת עֵצִים וְאַבְנֵי מַחְצֵב לְחַזֵּק אֶת־
ז הַבָּיִת׃ אַךְ לֹא־יֵחָשֵׁב אִתָּם הַכֶּסֶף הַנִּתָּן עַל־יָדָם כִּי

---

כב, ב׳ מלא ו   ה׳ ויתנהו ק׳   בית ק׳

דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון יהודה.

[18] און מנשה האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און ער איז באַגראָבן געוואָרן אין דעם גאָרטן פון זיין הויז, אין דעם גאָרטן פון עוזאָן. און זיין זון אָמון איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

[19] צוויי און צוואַנציק יאָר איז אָמון אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און צוויי יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען משולֶמֶת די טאָכטער פון חָרוּצן, פון יָטבָה.

[20] און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי זיין פאָטער מנשה האָט געטאָן. [21] און ער איז געגאַנגען אין אַלדעם וועג וואָס זיין פאָטער איז גע־גאַנגען, און ער האָט געדינט די אָפּגעטער וואָס זיין פאָטער האָט געדינט, און האָט זיך צו זיי געבוקט. [22] און ער האָט פאַרלאָזן יהוה דעם גאָט פון זיינע עלטערן, און איז ניט געגאַנגען אין דעם וועג פון יהוה.

[23] און די קנעכט פון אָמונען האָבן געמאַכט אַ בונט אויף אים, און האָבן געטייט דעם מלך אין זיין הויז. [24] און דאָס פאָלק פון לאַנד האָט דערשלאָגן אַלע וואָס האָבן געמאַכט דעם בונט אויף דעם מלך אָמון. און דאָס פאָלק פון לאַנד האָט געמאַכט זיין זון יאשִיָהון פאַר מלך אויף זיין אָרט.

[25] און די איבעריקע זאַכן פון אָמונען וואָס ער האָט געטאָן, זיי זיינען שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגע־שעענישן פון די מלכים פון יהודה.

[26] און מע האָט אים באַגראָבן אין זיין קבר, אין דעם גאָרטן פון עוזאָן. און זיין זון יאשִיָהו איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

## כב

[1] אַכט יאָר איז יאשִיָהו אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און איין און דרייסיק יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען ידידָה די טאָכטער פון עֲדָיָהן, פון בָּצקַת.

[2] און ער האָט געטאָן וואָס איז רעכטפאַרטיק אין די אויגן פון גאָט, און איז געגאַנגען אין אַלדעם וועג פון זיין פאָטער דודן, און האָט זיך ניט אָפּגעקערט רעכטס אָדער לינקס.

[3] און עס איז געווען אין אַכצנטן יאָר פון מלך יאשִיָהון, האָט דער מלך געשיקט שָפָן דעם זון פון אַצַליָהו, דעם זון פון משולָמען, דעם שרייבער, אין הויז פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: [4] גיי אַרויף צו חִלקִיָהו דעם כֹּהן־גָדול, און זאָל ער צונויפציילן דאָס געלט וואָס איז געבראַכט געוואָרן אין הויז פון גאָט, וואָס די שוועלהיטערס האָבן געזאַמלט פון פאָלק. [5] און זאָל מען עס געבן אויף דער האַנט פון די ווערקמייסטערס וואָס זיינען געשטעלט איבער דעם הויז פון גאָט; און זיי זאָלן עס געבן צו די בעל־מלאָכהס וואָס אין הויז פון גאָט, אויף צו פאַרריכטן די צעבראָכענע ערטער פון הויז; [6] צו די האָלצמייסטערס, און צו די בוימייסטערס, און צו די מויערער, און אויף צו קויפן האָלץ און געהאַקטע שטיינער, צו פאַרריכטן דאָס הויז. [7] און מע זאָל זיך ניט רעכענען מיט זיי וועגן דעם געלט וואָס ווערט גע־

בֶּאֱמוּנָה הֵם עֹשִׂים׃ וַיֹּאמֶר חִלְקִיָּהוּ הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל
ח עַל־שָׁפָן הַסֹּפֵר סֵפֶר הַתּוֹרָה מָצָאתִי בְּבֵית יְהוָה וַיִּתֵּן
חִלְקִיָּה אֶת־הַסֵּפֶר אֶל־שָׁפָן וַיִּקְרָאֵהוּ׃ וַיָּבֹא שָׁפָן הַסֹּפֵר
ט אֶל־הַמֶּלֶךְ וַיָּשֶׁב אֶת־הַמֶּלֶךְ דָּבָר וַיֹּאמֶר הִתִּיכוּ עֲבָדֶיךָ
אֶת־הַכֶּסֶף הַנִּמְצָא בַבַּיִת וַיִּתְּנֻהוּ עַל־יַד עֹשֵׂי הַמְּלָאכָה
הַמֻּפְקָדִים בֵּית יְהוָה׃ וַיַּגֵּד שָׁפָן הַסֹּפֵר לַמֶּלֶךְ לֵאמֹר
י סֵפֶר נָתַן לִי חִלְקִיָּה הַכֹּהֵן וַיִּקְרָאֵהוּ שָׁפָן לִפְנֵי הַמֶּלֶךְ׃
יא וַיְהִי כִּשְׁמֹעַ הַמֶּלֶךְ אֶת־דִּבְרֵי סֵפֶר הַתּוֹרָה וַיִּקְרַע אֶת־
יב בְּגָדָיו׃ וַיְצַו הַמֶּלֶךְ אֶת־חִלְקִיָּה הַכֹּהֵן וְאֶת־אֲחִיקָם בֶּן־
שָׁפָן וְאֶת־עַכְבּוֹר בֶּן־מִיכָיָה וְאֵת ׀ שָׁפָן הַסֹּפֵר וְאֵת
יג עֲשָׂיָה עֶבֶד־הַמֶּלֶךְ לֵאמֹר׃ לְכוּ דִרְשׁוּ אֶת־יְהוָה בַּעֲדִי
וּבְעַד־הָעָם וּבְעַד כָּל־יְהוּדָה עַל־דִּבְרֵי הַסֵּפֶר הַנִּמְצָא
הַזֶּה כִּי־גְדוֹלָה חֲמַת יְהוָה אֲשֶׁר־הִיא נִצְּתָה בָנוּ עַל
אֲשֶׁר לֹא־שָׁמְעוּ אֲבֹתֵינוּ עַל־דִּבְרֵי הַסֵּפֶר הַזֶּה לַעֲשׂוֹת
יד כְּכָל־הַכָּתוּב עָלֵינוּ׃ וַיֵּלֶךְ חִלְקִיָּהוּ הַכֹּהֵן וַאֲחִיקָם
וְעַכְבּוֹר וְשָׁפָן וַעֲשָׂיָה אֶל־חֻלְדָּה הַנְּבִיאָה אֵשֶׁת ׀ שַׁלֻּם
בֶּן־תִּקְוָה בֶּן־חַרְחַס שֹׁמֵר הַבְּגָדִים וְהִיא יֹשֶׁבֶת בִּירוּשָׁלִַם
טו בַּמִּשְׁנֶה וַיְדַבְּרוּ אֵלֶיהָ׃ וַתֹּאמֶר אֲלֵיהֶם כֹּה־אָמַר יְהוָה
טז אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל אִמְרוּ לָאִישׁ אֲשֶׁר־שָׁלַח אֶתְכֶם אֵלָי׃ כֹּה
אָמַר יְהוָה הִנְנִי מֵבִיא רָעָה אֶל־הַמָּקוֹם הַזֶּה וְעַל־
יֹשְׁבָיו אֵת כָּל־דִּבְרֵי הַסֵּפֶר אֲשֶׁר קָרָא מֶלֶךְ יְהוּדָה׃
יז תַּחַת ׀ אֲשֶׁר עֲזָבוּנִי וַיְקַטְּרוּ לֵאלֹהִים אֲחֵרִים לְמַעַן
הַכְעִיסֵנִי בְּכֹל מַעֲשֵׂה יְדֵיהֶם וְנִצְּתָה חֲמָתִי בַּמָּקוֹם הַזֶּה
יח וְלֹא תִכְבֶּה׃ וְאֶל־מֶלֶךְ יְהוּדָה הַשֹּׁלֵחַ אֶתְכֶם לִדְרֹשׁ אֶת־
יְהוָה כֹּה תֹאמְרוּ אֵלָיו כֹּה־אָמַר יְהוָה אֱלֹהֵי יִשְׂרָאֵל
יט הַדְּבָרִים אֲשֶׁר שָׁמָעְתָּ׃ יַעַן רַךְ־לְבָבְךָ וַתִּכָּנַע ׀ מִפְּנֵי יְהוָה
בְּשָׁמְעֲךָ אֲשֶׁר דִּבַּרְתִּי עַל־הַמָּקוֹם הַזֶּה וְעַל־יֹשְׁבָיו לִהְיוֹת

ח׳ כ״א אל׳

געבן אויף זייער האַנט, נייערט אויף נאמנות זאָלן זיי אַרבעטן.

8 און חִלְקִיָהו דער כֹּהן־גָדול האָט געזאָגט צו שָׁפָן דעם שרייבער: דאָס בוך פון דער תּורה האָב איך געפונען אין הויז פון גאָט. און חִלְקִיָהו האָט געגעבן דאָס בוך צו שָׁפָנען, און ער האָט עס איבערגעלייענט.

9 און שָׁפָן דער שרייבער איז געקומען צום מלך, און האָט געבראַכט דעם מלך אַן ענטפער, און האָט געזאָגט: דיינע קנעכט האָבן אויסגעשאָטן דאָס געלט וואָס האָט זיך געפונען אין הויז, און זיי האָבן עס געגעבן אויף דער האַנט פון די ווערקמייַנסטערס וואָס זיינען געשטעלט איבער דעם הויז פון גאָט.

10 און שָׁפָן דער שרייבער האָט דערציילט דעם מלך, אַזוי צו זאָגן: חִלְקִיָה דער כֹּהן האָט מיר געגעבן אַ בוך. און שָׁפָן האָט עס געלייענט פאַרן מלך. 11 און עס איז געווען, ווי דער מלך האָט געהערט די ווערטער פון דעם בוך פון דער תּורה, אַזוי האָט ער צעריסן זיינע קליידער. 12 און דער מלך האָט באַפוילן חִלְקִיָה דעם כֹּהן, און אַחִיקָם דעם זון פון שָׁפָנען, און עַכבּור דעם זון פון מיכָיָהן, און שָׁפָן דעם שרייבער, און עֲשָׂיָה דעם מלכס דינער, אַזוי צו זאָגן: 13 גייט פרעגט ביי גאָט פאַר מיר, און פאַר דעם פאָלק, און פאַר גאַנץ יהודה, וועגן די ווערטער פון דעמדאָזיקן געפונענעם בוך, וואָרום גרויס איז דער גרימצאָרן פון גאָט וואָס איז אָנגעצונדן אויף אונדז, פאַרוואָס אונדזערע עלטערן האָבן ניט צוגעהערט צו די ווערטער פון דעמדאָזיקן בוך, צו טאָן אַזוי ווי אַלץ וואָס איז אָנגעשריבן פאַר אונדז.

14 איז געגאַנגען חִלְקִיָהו דער כֹּהן, און אַחִיקָם, און עַכבּור, און שָׁפָן, און עֲשָׂיָה, צו חולדָה דער נביאה, דער ווייב פון שַׁלום דעם זון פון תִּקוָה דעם זון פון חַרחַסן, דעם קליידער־היטער—און זי האָט געוווינט אין ירושָׁלַיִם, אין צווייטן שטאָטפערטל—און זיי האָבן גערעדט צו איר. 15 האָט זי צו זיי געזאָגט: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: זאָגט צו דעם מאַן וואָס האָט אַייך געשיקט צו מיר: 16 אַזוי האָט גאָט געזאָגט: זע, איך ברענג אַן אומגליק אויף דעמדאָזיקן אָרט און אויף זיינע באַוווינער—אַלע ווערטער פון דעם בוך וואָס דער מלך פון יהודה האָט געלייענט; 17 דערפאַר וואָס זיי האָבן מיך פאַרלאָזן, און האָבן גערייכערט צו פרעמדע געטער, כּדי מיך צו דערצערענען מיט אַלע מעשׂים פון זייערע הענט, דרום וועט מיין גרימצאָרן זיך אָנצינדן אויף דעמדאָזיקן אָרט, און וועט ניט פאַרלאָשן ווערן. 18 און צו דעם מלך פון יהודה וואָס שיקט אַייך פרעגן ביי גאָט, צו אים זאָלט איר אַזוי זאָגן: אַזוי האָט געזאָגט יהוה דער גאָט פון ישראל: וועגן די ווערטער וואָס דו האָסט געהערט, 19 איז, ווייל דיין האַרץ איז ווייך געוואָרן, און ביסט געוואָרן אונטערטעניק פאַר גאָט ווען דו האָסט געהערט וואָס איך האָב גערעדט אויף דעמדאָזיקן אָרט און אויף זיינע

באַוווינער, אַז זיי וועלן ווערן פאַר אַ שרעק און פאַר אַ
קללה, און האָסט צעריסן דיינע קליידער, און האָסט
געוויינט פאַר מיר, האָב איך אויך צוגעהערט, זאָגט גאָט.
20 דרום זע, איך זאַמל דיך אַיין צו דיינע עלטערן, און
וועסט אַיינגעזאַמלט ווערן אין דיין קבר בשלום, און דיינע
אויגן וועלן ניט זען דאָס גאַנצע בייז וואָס איך ברענג אויף
דעמדאָזיקן אָרט.

און זיי האָבן געבראַכט צום מלך דעם ענטפער.

## כג

1 און דער מלך האָט געשיקט, און מע האָט אַיינ־
געזאַמלט צו אים אַלע עלטסטע פון יהודה און
ירושלַיִם. 2 און דער מלך איז אַרויפגעגאַנגען אין הויז
פון גאָט, און אַלע מענער פון יהודה און אַלע באַוווינער
פון ירושלַיִם מיט אים, און די כּהנים, און די נביאים, און
דאָס גאַנצע פאָלק פון קליין ביז גרויס. און ער האָט גע־
לייענט אין זייערע אויערן אַלע ווערטער פון דעם בוך
פון בונד וואָס איז געפונען געוואָרן אין הויז פון גאָט. 3 און
דער מלך האָט זיך געשטעלט אויף אַ בימה, און ער האָט
געשלאָסן אַ בונד פאַר גאָט, צו גיין נאָך גאָט, און צו היטן
זיינע געבאָט און זיינע אָנזאָגן און זיינע געזעצן מיטן גאַנצן
האַרצן און מיט דער גאַנצער זעל, מקיים צו זיין די ווער־
טער פון דעמדאָזיקן בונד וואָס שטייען געשריבן אין דעמ־
דאָזיקן בוך. און דאָס גאַנצע פאָלק איז צוגעשטאַנען צו דעם בונד.

4 און דער מלך האָט באַפוילן חִלקִיָהו דעם כּהן־גָדול, און די אונטער־כּהנים, און די שוועלהיטערס, אַרויס־
צוטראָגן פון דעם טעמפּל פון גאָט אַלע כּלים וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן פאַר בַּעַל, און פאַר דער אַשֵרָה, און פאַר
דעם גאַנצן חיל פון הימל; און ער האָט זיי פאַרברענט דרויסן פון ירושלַיִם אין די פעלדער פון קִדרון, און האָט אַוועק־
געטראָגן זייער אַש קיין בֵּית־אֵל. 5 און ער האָט אָפּגעשאַפט די פּריסטער וואָס די מלכים פון יהודה האָבן אויפגע־
זעצט, און וואָס האָבן גערייכערט אויף די בָּמות, אין די שטעט פון יהודה און אין די אַרומיקע ערטער פון ירושלַיִם;
און די וואָס האָבן גערייכערט צו בַּעַל, צו דער זון, און צו דער לבנה, און צו די מַזָלות, און צום גאַנצן חיל פון הימל.
6 און ער האָט אַרויסגעטראָגן די אַשֵרָה פון דעם הויז פון גאָט דרויסן פון ירושלַיִם צום טייך קִדרון, און האָט זי פאַר־
ברענט ביים טייך קִדרון, און צעמאָלן אויף שטויב, און צעוואָרפן איר שטויב אויף די קברים פון די קינדער פון פאָלק.
7 און ער האָט צעבראָכן די הייזער פון די שאַנדמענער וואָס אין הויז פון גאָט, וואָס די ווייבער פלעגן דאָרטן וועבן צו־
דעקן פאַר דער אַשֵרָה. 8 און ער האָט צונויפגעבראַכט אַלע כּהנים פון די שטעט פון יהודה, און האָט פאַראומרייניקט

לְשַׁמָּה וְלִקְלָלָה וַתִּקְרַע אֶת־בְּגָדֶיךָ וַתִּבְכֶּה לְפָנָי וְגַם
כ אָנֹכִי שָׁמַעְתִּי נְאֻם־יְהוָה׃ לָכֵן הִנְנִי אֹסִפְךָ עַל־אֲבֹתֶיךָ
וְנֶאֱסַפְתָּ אֶל־קִבְרֹתֶיךָ בְּשָׁלוֹם וְלֹא־תִרְאֶינָה עֵינֶיךָ בְּכֹל
הָרָעָה אֲשֶׁר־אֲנִי מֵבִיא עַל־הַמָּקוֹם הַזֶּה וַיָּשִׁבוּ אֶת־
הַמֶּלֶךְ דָּבָר׃

## כג

א וַיִּשְׁלַח הַמֶּלֶךְ וַיַּאַסְפוּ אֵלָיו כָּל־זִקְנֵי יְהוּדָה וִירוּשָׁלִָם׃
ב וַיַּעַל הַמֶּלֶךְ בֵּית־יְהוָה וְכָל־אִישׁ יְהוּדָה וְכָל־יֹשְׁבֵי
יְרוּשָׁלִַם אִתּוֹ וְהַכֹּהֲנִים וְהַנְּבִיאִים וְכָל־הָעָם לְמִקָּטֹן וְעַד־
גָּדוֹל וַיִּקְרָא בְאָזְנֵיהֶם אֶת־כָּל־דִּבְרֵי סֵפֶר הַבְּרִית הַנִּמְצָא
ג בְּבֵית יְהוָה׃ וַיַּעֲמֹד הַמֶּלֶךְ עַל־הָעַמּוּד וַיִּכְרֹת אֶת־הַבְּרִית ׀
לִפְנֵי יְהוָה לָלֶכֶת אַחַר יְהוָה וְלִשְׁמֹר מִצְוֺתָיו וְאֶת־
עֵדְוֺתָיו וְאֶת־חֻקֹּתָיו בְּכָל־לֵב וּבְכָל־נֶפֶשׁ לְהָקִים אֶת־
דִּבְרֵי הַבְּרִית הַזֹּאת הַכְּתֻבִים עַל־הַסֵּפֶר הַזֶּה וַיַּעֲמֹד
ד כָּל־הָעָם בַּבְּרִית׃ *וַיְצַו הַמֶּלֶךְ אֶת־חִלְקִיָּהוּ הַכֹּהֵן הַגָּדוֹל
וְאֶת־כֹּהֲנֵי הַמִּשְׁנֶה וְאֶת־שֹׁמְרֵי הַסַּף לְהוֹצִיא מֵהֵיכַל
יְהוָה אֵת כָּל־הַכֵּלִים הָעֲשׂוּיִם לַבַּעַל וְלָאֲשֵׁרָה וּלְכֹל
צְבָא הַשָּׁמָיִם וַיִּשְׂרְפֵם מִחוּץ לִירוּשָׁלִַם בְּשַׁדְמוֹת קִדְרוֹן
ה וְנָשָׂא אֶת עֲפָרָם בֵּית־אֵל׃ וְהִשְׁבִּית אֶת־הַכְּמָרִים אֲשֶׁר
נָתְנוּ מַלְכֵי יְהוּדָה וַיְקַטֵּר בַּבָּמוֹת בְּעָרֵי יְהוּדָה וּמְסִבֵּי
יְרוּשָׁלִָם וְאֶת־הַמְקַטְּרִים לַבַּעַל לַשֶּׁמֶשׁ וְלַיָּרֵחַ וְלַמַּזָּלוֹת
ו וּלְכֹל צְבָא הַשָּׁמָיִם׃ וַיֹּצֵא אֶת־הָאֲשֵׁרָה מִבֵּית יְהוָה
מִחוּץ לִירוּשָׁלִַם אֶל־נַחַל קִדְרוֹן וַיִּשְׂרֹף אֹתָהּ בְּנַחַל
קִדְרוֹן וַיָּדֶק לְעָפָר וַיַּשְׁלֵךְ אֶת־עֲפָרָהּ עַל־קֶבֶר בְּנֵי הָעָם׃
ז וַיִּתֹּץ אֶת־בָּתֵּי הַקְּדֵשִׁים אֲשֶׁר בְּבֵית יְהוָה אֲשֶׁר הַנָּשִׁים
ח אֹרְגוֹת שָׁם בָּתִּים לָאֲשֵׁרָה׃ וַיָּבֵא אֶת־כָּל־הַכֹּהֲנִים מֵעָרֵי
יְהוּדָה וַיְטַמֵּא אֶת־הַבָּמוֹת אֲשֶׁר קִטְּרוּ־שָׁמָּה הַכֹּהֲנִים

כג, א׳ הפטרת יום שני של פסח ובקצת קהלות מתחילין ויצו המלך
ד׳ העשוים ק׳

מִגֶּבַע עַד־בְּאֵר שָׁבַע וְנִתַּץ אֶת־בָּמוֹת הַשְּׁעָרִים אֲשֶׁר־פֶּתַח
שַׁעַר יְהוֹשֻׁעַ שַׂר־הָעִיר אֲשֶׁר־עַל־שְׂמֹאול אִישׁ בְּשַׁעַר
הָעִיר׃ אַךְ לֹא יַעֲלוּ כֹּהֲנֵי הַבָּמוֹת אֶל־מִזְבַּח יְהוָה בִּירוּשָׁלָ͏ִם ט
כִּי אִם־אָכְלוּ מַצּוֹת בְּתוֹךְ אֲחֵיהֶם׃ * וְטִמֵּא אֶת־הַתֹּפֶת י
אֲשֶׁר בְּנֵי בְנֵי־הִנֹּם לְבִלְתִּי לְהַעֲבִיר אִישׁ אֶת־בְּנוֹ וְאֶת־
בִּתּוֹ בָּאֵשׁ לַמֹּלֶךְ׃ וַיַּשְׁבֵּת אֶת־הַסּוּסִים אֲשֶׁר נָתְנוּ מַלְכֵי יא
יְהוּדָה לַשֶּׁמֶשׁ מִבֹּא בֵית־יְהוָה אֶל־לִשְׁכַּת נְתַן־מֶלֶךְ
הַסָּרִיס אֲשֶׁר בַּפַּרְוָרִים וְאֶת־מַרְכְּבוֹת הַשֶּׁמֶשׁ שָׂרַף בָּאֵשׁ׃
וְאֶת־הַמִּזְבְּחוֹת אֲשֶׁר עַל־הַגָּג עֲלִיַּת אָחָז אֲשֶׁר־עָשׂוּ ׀ מַלְכֵי יב
יְהוּדָה וְאֶת־הַמִּזְבְּחוֹת אֲשֶׁר־עָשָׂה מְנַשֶּׁה בִּשְׁתֵּי חַצְרוֹת
בֵּית־יְהוָה נָתַץ הַמֶּלֶךְ וַיָּרָץ מִשָּׁם וְהִשְׁלִיךְ אֶת־עֲפָרָם
אֶל־נַחַל קִדְרוֹן׃ וְאֶת־הַבָּמוֹת אֲשֶׁר ׀ עַל־פְּנֵי יְרוּשָׁלַ͏ִם יג
אֲשֶׁר מִימִין לְהַר־הַמַּשְׁחִית אֲשֶׁר בָּנָה שְׁלֹמֹה מֶלֶךְ־
יִשְׂרָאֵל לְעַשְׁתֹּרֶת ׀ שִׁקֻּץ צִידֹנִים וְלִכְמוֹשׁ שִׁקֻּץ מוֹאָב
וּלְמִלְכֹּם תּוֹעֲבַת בְּנֵי־עַמּוֹן טִמֵּא הַמֶּלֶךְ׃ וְשִׁבַּר אֶת־ יד
הַמַּצֵּבוֹת וַיִּכְרֹת אֶת־הָאֲשֵׁרִים וַיְמַלֵּא אֶת־מְקוֹמָם עַצְמוֹת
אָדָם׃ וְגַם אֶת־הַמִּזְבֵּחַ אֲשֶׁר בְּבֵית־אֵל הַבָּמָה אֲשֶׁר עָשָׂה טו
יָרָבְעָם בֶּן־נְבָט אֲשֶׁר הֶחֱטִיא אֶת־יִשְׂרָאֵל גַּם אֶת־הַמִּזְבֵּחַ
הַהוּא וְאֶת־הַבָּמָה נָתָץ וַיִּשְׂרֹף אֶת־הַבָּמָה הֵדַק לְעָפָר
וְשָׂרַף אֲשֵׁרָה׃ וַיִּפֶן יֹאשִׁיָּהוּ וַיַּרְא אֶת־הַקְּבָרִים אֲשֶׁר־שָׁם טז
בָּהָר וַיִּשְׁלַח וַיִּקַּח אֶת־הָעֲצָמוֹת מִן־הַקְּבָרִים וַיִּשְׂרֹף עַל־
הַמִּזְבֵּחַ וַיְטַמְּאֵהוּ כִּדְבַר יְהוָה אֲשֶׁר קָרָא אִישׁ הָאֱלֹהִים
אֲשֶׁר קָרָא אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה׃ וַיֹּאמֶר מָה הַצִּיּוּן הַלָּז יז
אֲשֶׁר אֲנִי רֹאֶה וַיֹּאמְרוּ אֵלָיו אַנְשֵׁי הָעִיר הַקֶּבֶר אִישׁ־
הָאֱלֹהִים אֲשֶׁר־בָּא מִיהוּדָה וַיִּקְרָא אֶת־הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה
אֲשֶׁר עָשִׂיתָ עַל הַמִּזְבַּח בֵּית־אֵל׃ וַיֹּאמֶר הַנִּיחוּ לוֹ אִישׁ יח
אַל־יָנַע עַצְמֹתָיו וַיְמַלְּטוּ עַצְמֹתָיו אֵת עַצְמוֹת הַנָּבִיא אֲשֶׁר־

ת׳ מלא ו   י׳ דלג. עד פסוק כא׳   בן קי׳

די בָּמות וואָס די כֹּהנים האָבן דאָרטן גערייכערט, פון גֶבַע ביז בְּאֵר־שֶׁבַע; און ער האָט צעבראָכן די בָּמות פון די טויערן וואָס ביים טויעראַיינגאַנג פון יְהושֻׁעַ דעם שטאָטהאַר, וואָס אויף דער לינקער זייט פון דעם וואָס קומט אַריין אין שטאָטטויער. 9 אָבער די כֹּהנים פון די בָּמות זיינען ניט אַרויפגעגאַנגען צום מזבח פון גאָט אין ירושָׁלַיִם; נייערט זיי האָבן געגעסן דאָס אומגעזייערטע ברויט צווישן זייערע ברידער.

10 און ער האָט פאַראומרייניקט תּופֶת וואָס אין טאָל פון בֶּן־הִנום, אַז קיינער זאָל ניט מאַכן דורכגיין זיין זון אָדער זיין טאָכטער דורכן פייער צו מולֶך. 11 און ער האָט אָפּגעשאַפט די פערד וואָס די מלכים פון יהודה האָבן געגעבן צו דער זון ביים אַיינגאַנג פון דעם הויז פון גאָט, לעבן דער קאַמער פון נְתַן־מֶלֶך דעם הויפּדינער, וואָס אין די פּאָרהויפן; און די רייטוועגן פון דער זון האָט ער פאַרברענט אין פייער. 12 און די מזבחות וואָס אויפן דאַך פון אָחָזעס אויבערשטוב, וואָס די מלכים פון יהודה האָבן געמאַכט, און די מזבחות וואָס מנשה האָט געמאַכט אין ביידע הויפן פון גאָטס הויז, האָט צעבראָכן דער מלך און צעהאַקט פון דאָרטן, און אַריינגעוואָרפן זייער שטויב אין טייך קִדרון. 13 אויך די בָּמות וואָס פאַר ירושָׁלַיִם, וואָס אויף דער רעכטער זייט פון דעם באַרג פון פאַרדאַרבער, וואָס שלמה דער מלך פון ישׂראל האָט געבויט צו עַשתּוֹרֶת, דער אומווערדיקייט פון די צידונים, און צו כּמוש, דער אומווערדיקייט פון מואָב, און צו מִלכּום, דער אומווערדיקייט פון די קינדער פון עַמון, האָט דער מלך פאַראומרייניקט. 14 און ער האָט צעבראָכן די זיילשטיינער, און אָפּגעהאַקט די געצנביימער, און אָנגעפילט זייער אָרט מיט ביינער פון מענטשן.

15 און אויך דעם מזבח וואָס אין בֵּית־אֵל, די בָּמָה וואָס יָרָבעָם דער זון פון נְבָטן וואָס האָט געמאַכט זינדיקן ישׂראל, האָט געמאַכט, אויך יענעם מזבח און די בָּמָה האָט ער צעבראָכן; און ער האָט פאַרברענט די בָּמָה, און צעמאָלן אויף שטויב; און ער האָט פאַרברענט די אֲשֵׁרָה.

16 און ווי יֹאשִׁיָהו האָט זיך אומגעדרייט, אַזוי האָט ער דערזען די קברים וואָס דאָרטן אויפן באַרג, און ער האָט געשיקט, און האָט אַרויסגענומען די ביינער פון די קברים, און פאַרברענט אויפן מזבח, און האָט אים פאַראומרייניקט, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט וואָס עס האָט אויסגערופן דער געטלעכער מאַן וואָס האָט אויסגערופן דידאָזיקע זאַכןא.

17 און ער האָט געזאָגט: וואָס איז יענער צייכן וואָס איך זע? האָבן די מענטשן פון שטאָט צו אים געזאָגט: דאָס איז דער קבר פון דעם געטלעכן מאַן וואָס איז געקומען פון יהודה, און האָט אויסגערופן דידאָזיקע זאַכן וואָס דו האָסט געטאָן צו דעמדאָזיקן מזבח אין בֵּית־אֵל. 18 האָט ער צו זיי געזאָגט: לאָזט אים אין רו; קיינער זאָל ניט רירן זיינע ביינער. האָבן זיי אויסגעלאָזט זיינע ביינער מיט די ביינער פון דעם נביא וואָס איז אַרויסגעקומען פון שומרון.

א זע מלכים א׳ יג.

יט בָּא מִשֹּׁמְרוֹן: וְגַם אֶת־כָּל־בָּתֵּי הַבָּמוֹת אֲשֶׁר ׀ בְּעָרֵי
שֹׁמְרוֹן אֲשֶׁר עָשׂוּ מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל לְהַכְעִיס הֵסִיר יֹאשִׁיָּהוּ
כ וַיַּעַשׂ לָהֶם כְּכָל־הַמַּעֲשִׂים אֲשֶׁר עָשָׂה בְּבֵית־אֵל: וַיִּזְבַּח
אֶת־כָּל־כֹּהֲנֵי הַבָּמוֹת אֲשֶׁר־שָׁם עַל־הַמִּזְבְּחוֹת וַיִּשְׂרֹף
כא אֶת־עַצְמוֹת אָדָם עֲלֵיהֶם וַיָּשָׁב יְרוּשָׁלָם: וַיְצַו הַמֶּלֶךְ אֶת־
כָּל־הָעָם לֵאמֹר עֲשׂוּ פֶסַח לַיהוָה אֱלֹהֵיכֶם כַּכָּתוּב עַל
כב סֵפֶר הַבְּרִית הַזֶּה: כִּי לֹא נַעֲשָׂה כַּפֶּסַח הַזֶּה מִימֵי
הַשֹּׁפְטִים אֲשֶׁר שָׁפְטוּ אֶת־יִשְׂרָאֵל וְכֹל יְמֵי מַלְכֵי יִשְׂרָאֵל
כג וּמַלְכֵי יְהוּדָה: כִּי אִם־בִּשְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה שָׁנָה לַמֶּלֶךְ יֹאשִׁיָּהוּ
כד נַעֲשָׂה הַפֶּסַח הַזֶּה לַיהוָה בִּירוּשָׁלָם: וְגַם אֶת־הָאֹבוֹת וְאֶת־
הַיִּדְּעֹנִים וְאֶת־הַתְּרָפִים וְאֶת־הַגִּלֻּלִים וְאֵת כָּל־הַשִּׁקֻּצִים
אֲשֶׁר נִרְאוּ בְּאֶרֶץ יְהוּדָה וּבִירוּשָׁלַם בִּעֵר יֹאשִׁיָּהוּ לְמַעַן
הָקִים אֶת־דִּבְרֵי הַתּוֹרָה הַכְּתֻבִים עַל־הַסֵּפֶר אֲשֶׁר מָצָא
כה חִלְקִיָּהוּ הַכֹּהֵן בֵּית יְהוָה: וְכָמֹהוּ לֹא־הָיָה לְפָנָיו מֶלֶךְ
אֲשֶׁר־שָׁב אֶל־יְהוָה בְּכָל־לְבָבוֹ וּבְכָל־נַפְשׁוֹ וּבְכָל־מְאֹדוֹ
כו כְּכֹל תּוֹרַת מֹשֶׁה וְאַחֲרָיו לֹא־קָם כָּמֹהוּ: * אַךְ ׀ לֹא־שָׁב
יְהוָה מֵחֲרוֹן אַפּוֹ הַגָּדוֹל אֲשֶׁר־חָרָה אַפּוֹ בִּיהוּדָה עַל כָּל־
כז הַכְּעָסִים אֲשֶׁר הִכְעִיסוֹ מְנַשֶּׁה: וַיֹּאמֶר יְהוָה גַּם אֶת־יְהוּדָה
אָסִיר מֵעַל פָּנַי כַּאֲשֶׁר הֲסִרֹתִי אֶת־יִשְׂרָאֵל וּמָאַסְתִּי אֶת־
הָעִיר הַזֹּאת אֲשֶׁר־בָּחַרְתִּי אֶת־יְרוּשָׁלַם וְאֶת־הַבַּיִת אֲשֶׁר
כח אָמַרְתִּי יִהְיֶה שְׁמִי שָׁם: וְיֶתֶר דִּבְרֵי יֹאשִׁיָּהוּ וְכָל־אֲשֶׁר
עָשָׂה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים לְמַלְכֵי
כט יְהוּדָה: בְּיָמָיו עָלָה פַרְעֹה נְכֹה מֶלֶךְ־מִצְרַיִם עַל־מֶלֶךְ
אַשּׁוּר עַל־נְהַר פְּרָת וַיֵּלֶךְ הַמֶּלֶךְ יֹאשִׁיָּהוּ לִקְרָאתוֹ וַיְמִיתֵהוּ
ל בִּמְגִדּוֹ כִּרְאֹתוֹ אֹתוֹ: וַיַּרְכִּבֻהוּ עֲבָדָיו מֵת מִמְּגִדּוֹ וַיְבִאֻהוּ
יְרוּשָׁלַם וַיִּקְבְּרֻהוּ בִּקְבֻרָתוֹ וַיִּקַּח עַם־הָאָרֶץ אֶת־יְהוֹאָחָז
בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ וַיִּמְשְׁחוּ אֹתוֹ וַיַּמְלִיכוּ אֹתוֹ תַּחַת אָבִיו:
לא בֶּן־עֶשְׂרִים וְשָׁלֹשׁ שָׁנָה יְהוֹאָחָז בְּמָלְכוֹ וּשְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים

כה' ע"כ

19 און אויך אַלע הייזער פון די בָּמות וואָס אין די שטעט פון שומרון, וואָס די מלכים פון ישׂראל האָבן געמאַכט צו דערצערענען [גאָט], האָט יאשִיָהו אָפּגעטאָן, און ער האָט געטאָן צו זיי אַזוי ווי אַלע טואונגען וואָס ער האָט געטאָן אין בֵּית־אֵל. 20 און ער האָט געשלאַכט אַלע כֹּהנים פון די בָּמות וואָס זיינען דאָרטן געווען, אויף די מזבחות, און האָט פאַרברענט ביינער פון מענטשן אויף זיי.

און ער האָט זיך אומגעקערט קיין ירושָלַיִם.

21 און דער מלך האָט באַפוילן דעם גאַנצן פאָלק, אַזוי צו זאָגן: מאַכט אַ קָרבן־פֶּסח צו יהוה אַייער גאָט, אַזוי ווי עס שטייט געשריבן אין דעמדאָזיקן בוך פון בונד. 22 וואָרום אַזאַ ווי דערדאָזיקער קָרבן־פֶּסח איז ניט געמאַכט געוואָרן פון די טעג פון די שופטים וואָס האָבן געמשפּט ישׂראל, און אין אַלע טעג פון די מלכים פון ישׂראל, און די מלכים פון יהודה. 23 נאָר אין אַכצנטן יאָר פון מלך יאשִיָהון איז געמאַכט געוואָרן דערדאָזיקער קָרבן־פֶּסח צו גאָט אין ירושָלַיִם.

24 און אויך די גייסטערזעער און די טויטנבאַשווערער, און די תּרָפים, און די אָפּגעטער, און אַלע אומווערדיקייטן וואָס זיינען געזען געוואָרן אין לאַנד יהודה און אין ירושָלַיִם, האָט יאשִיָהו אויסגעראַמט, כּדי מקיים צו זיין די ווערטער פון דער תּורה וואָס שטייען געשריבן אין דעם בוך וואָס חִלקִיָהו דער כֹּהן האָט געפונען אין הויז פון גאָט.

25 און אַזאַ ווי ער איז ניט געווען קיין מלך פאַר אים, וואָס זאָל זיך אומקערן צו גאָט מיט זיין גאַנצן האַרצן און מיט זיין גאַנצער זעל און מיט זיין גאַנצן כּוח, לויט דער גאַנצער תּורה פון משהן; און נאָך אים איז ניט אויפגעשטאַנען אַזאַ ווי ער.

26 אָבער גאָט האָט זיך ניט אָפּגעקערט פון זיין גרויסן גרימצאָרן ווען זיין צאָרן האָט געגרימט אויף יהודה, פאַר אַלע דערצערענונגען וואָס מנשה האָט אים דערצערנט. 27 און גאָט האָט געזאָגט: אויך יהודה וועל איך אָפּטאָן פון מיין פּנים, אַזוי ווי איך האָב אָפּגעטאָן ישׂראל; און איך וועל פאַראַכטן דידאָזיקע שטאָט וואָס איך האָב אויסדערוויילט, ירושָלַיִם, און דאָס הויז וואָס איך האָב געזאָגט: מיין נאָמען זאָל דאָרטן זיין.

28 און די איבעריקע זאַכן וועגן יאשִיָהון, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון יהודה.

29 אין זיינע טעג איז אַרויפגעגאַנגען פַּרעה־נכו דער מלך פון מִצרַיִם אויף דעם מלך פון אַשור, ביים טייך פּרָת, און דער מלך יאשִיָהו איז אים געגאַנגען אַקעגן; און ער האָט אים געטייט אין מגִדו, ווי ער האָט אים דערזען. 30 האָבן זיינע קנעכט אים אַוועקגעפירט אַ טויטן פון מגִדו, און זיי האָבן אים געבראַכט קיין ירושָלַיִם, און האָבן אים באַגראָבן אין זיין קבר.

און דאָס פאָלק פון לאַנד האָט גענומען יהוֹאָחָז דעם זון פון יאשִיָהון, און זיי האָבן אים געזאַלבט, און אים געמאַכט פאַר מלך אויף זיין פאָטערס אָרט.

31 דריי און צוואַנציק יאָר איז יהוֹאָחָז אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און דריי חדשים האָט ער געקיניגט אין

מָלַךְ בִּירוּשָׁלָםִ וְשֵׁם אִמּוֹ חֲמוּטַל בַּת־יִרְמְיָהוּ מִלִּבְנָה׃
לב לג וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשׂוּ אֲבֹתָיו׃ וַיַּאַסְרֵהוּ
פַרְעֹה נְכֹה בְרִבְלָה בְּאֶרֶץ חֲמָת בִּמְלֹךְ בִּירוּשָׁלָםִ וַיִּתֶּן
לד עֹנֶשׁ עַל־הָאָרֶץ מֵאָה כִכַּר־כֶּסֶף וְכִכַּר זָהָב׃ וַיַּמְלֵךְ
פַּרְעֹה נְכֹה אֶת־אֶלְיָקִים בֶּן־יֹאשִׁיָּהוּ תַּחַת יֹאשִׁיָּהוּ אָבִיו
וַיַּסֵּב אֶת־שְׁמוֹ יְהוֹיָקִים וְאֶת־יְהוֹאָחָז לָקָח וַיָּבֹא מִצְרַיִם
לה וַיָּמָת שָׁם׃ וְהַכֶּסֶף וְהַזָּהָב נָתַן יְהוֹיָקִים לְפַרְעֹה אַךְ
הֶעֱרִיךְ אֶת־הָאָרֶץ לָתֵת אֶת־הַכֶּסֶף עַל־פִּי פַרְעֹה אִישׁ
כְּעֶרְכּוֹ נָגַשׂ אֶת־הַכֶּסֶף וְאֶת־הַזָּהָב אֶת־עַם הָאָרֶץ לָתֵת
לו לְפַרְעֹה נְכֹה׃ בֶּן־עֶשְׂרִים וְחָמֵשׁ שָׁנָה יְהוֹיָקִים
בְּמָלְכוֹ וְאַחַת עֶשְׂרֵה שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלָםִ וְשֵׁם אִמּוֹ
לז זְבִידָּה בַת־פְּדָיָה מִן־רוּמָה׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל
אֲשֶׁר־עָשׂוּ אֲבֹתָיו׃

## כד

א בְּיָמָיו עָלָה נְבֻכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ בָּבֶל וַיְהִי־לוֹ יְהוֹיָקִים עֶבֶד
ב שָׁלֹשׁ שָׁנִים וַיָּשָׁב וַיִּמְרָד־בּוֹ׃ וַיְשַׁלַּח יְהוָה ׀ בּוֹ אֶת־גְּדוּדֵי
כַשְׂדִּים וְאֶת־גְּדוּדֵי אֲרָם וְאֵת ׀ גְּדוּדֵי מוֹאָב וְאֵת גְּדוּדֵי
בְנֵי־עַמּוֹן וַיְשַׁלְּחֵם בִּיהוּדָה לְהַאֲבִידוֹ כִּדְבַר יְהוָה אֲשֶׁר
ג דִּבֶּר בְּיַד עֲבָדָיו הַנְּבִיאִים׃ אַךְ ׀ עַל־פִּי יְהוָה הָיְתָה
בִּיהוּדָה לְהָסִיר מֵעַל פָּנָיו בְּחַטֹּאת מְנַשֶּׁה כְּכֹל אֲשֶׁר
ד עָשָׂה׃ וְגַם דַּם־הַנָּקִי אֲשֶׁר שָׁפָךְ וַיְמַלֵּא אֶת־יְרוּשָׁלַםִ דָּם
ה נָקִי וְלֹא־אָבָה יְהוָה לִסְלֹחַ׃ וְיֶתֶר דִּבְרֵי יְהוֹיָקִים וְכָל־
אֲשֶׁר עָשָׂה הֲלֹא־הֵם כְּתוּבִים עַל־סֵפֶר דִּבְרֵי הַיָּמִים
ו לְמַלְכֵי יְהוּדָה׃ וַיִּשְׁכַּב יְהוֹיָקִים עִם־אֲבֹתָיו וַיִּמְלֹךְ יְהוֹיָכִין
ז בְּנוֹ תַּחְתָּיו׃ וְלֹא־הֹסִיף עוֹד מֶלֶךְ מִצְרַיִם לָצֵאת מֵאַרְצוֹ
כִּי־לָקַח מֶלֶךְ בָּבֶל מִנַּחַל מִצְרַיִם עַד־נְהַר פְּרָת כֹּל אֲשֶׁר
ח הָיְתָה לְמֶלֶךְ מִצְרָיִם׃ בֶּן־שְׁמֹנֶה עֶשְׂרֵה שָׁנָה

כג, לג׳ ממלך קרי   לז׳ זבודה קרי הד׳ בדגש   כד, ד׳ קמץ בז״ק

ירושָׁלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען חַמוּטַל, די טאָכטער פון יִרמְיָהון, פון לִבנָה.

32 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי אַלץ וואָס זיינע עלטערן האָבן געטאָן.

33 און פַּרעה־נכו האָט אים אַיינגעשפּאַרט אין רִבלָה, אין לאַנד חֲמָת, אַז ער זאָל ניט קיניגן אין ירושָׁלַיִם. און ער האָט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף אויפן לאַנד, הונדערט צענטנער זילבער, און אַ צענטנער גאָלד.

34 און פַּרעה־נכו האָט געמאַכט אֶליָקים דעם זון פון יאשִׁיָהון פאַר מלך אויף דעם אָרט פון זיין פאָטער יאשִׁיָהון, און ער האָט אומגעביטן זיין נאָמען אויף יהוֹיָקים. און יהוֹאָחָזן האָט ער אַוועקגענומען; און ער איז געקומען קיין מִצרַיִם, און איז דאָרטן געשטאָרבן.

35 און דאָס זילבער און דאָס גאָלד האָט יהוֹיָקים געגעבן צו פַּרעהן; אָבער ער האָט אָפּגעשאַצט דאָס לאַנד, כּדי צו געבן דאָס געלט לויט דעם באַפעל פון פַּרעהן; פון איטלעכן לויט זיין אָפּשאַצונג האָט ער אויפגעמאָנט דאָס זילבער און דאָס גאָלד פון דעם פאָלק פון לאַנד, כּדי צו געבן צו פַּרעה־נכון.

36 פינף און צוואַנציק יאָר איז יהוֹיָקים אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און עלף יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָׁלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען זבוּדָה די טאָכטער פון פּדָיָהן, פון רומָה.

37 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי אַלץ וואָס זיינע עלטערן האָבן געטאָן.

כד 1 אין זיינע טעג איז אַרויפגעגאַנגען נבוּכַדנֶצַר דער מלך פון בָּבל, און יהוֹיָקים איז געווען אַ קנעכט צו אים דריי יאָר; דערנאָך האָט ער זיך אָפּגעקערט און האָט ווידערשפּעניקט אָן אים.

2 און גאָט האָט אָנגעשיקט אויף אים באַנדעס פון כַּשׂדים, און באַנדעס פון אֲרָם, און באַנדעס פון מוֹאָב, און באַנדעס פון די קינדער פון עַמון; און ער האָט זיי אָנגעשיקט אויף יהודה, כּדי עס אונטערצוברענגען, אַזוי ווי דאָס וואָרט פון גאָט וואָס ער האָט גערעדט דורך זיינע קנעכט די נביאים. 3 נאָר לויט דעם מויל פון גאָט איז דאָס געשען אויף יהודה, כּדי זיי אָפּצוטאָן פון זיין פּנים, פאַר די זינד פון מנשהן, לויט אַלץ וואָס ער האָט געטאָן. 4 און אויך פאַר דעם אומשולדיקן בלוט וואָס ער האָט פאַרגאָסן, ביז ער האָט אָנגעפילט ירושָׁלַיִם מיט אומשולדיק בלוט; און גאָט האָט ניט געוואָלט פאַרגעבן.

5 און די איבעריקע זאַכן וועגן יהוֹיָקימען, און אַלץ וואָס ער האָט געטאָן, דאָס איז שוין באַשריבן אין בוך פון די צייטגעשעענישן פון די מלכים פון יהודה.

6 און יהוֹיָקים האָט זיך געלייגט מיט זיינע עלטערן, און זיין זון יהוֹיָכין איז געוואָרן מלך אויף זיין אָרט.

7 און דער מלך פון מִצרַיִם איז מער ווידער ניט אַרויסגעגאַנגען פון זיין לאַנד, וואָרום דער מלך פון בָּבל האָט צוגענומען, פון דעם באַך פון מִצרַיִם ביז דעם טייך פּרָת, אַלץ וואָס געהערט צום מלך פון מִצרַיִם.

יְהוֹיָכִין בְּמָלְכוֹ וּשְׁלֹשָׁה חֳדָשִׁים מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם
ט אִמּוֹ נְחֻשְׁתָּא בַת־אֶלְנָתָן מִירוּשָׁלִָם׃ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי
י יְהוָה כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה אָבִיו׃ בָּעֵת הַהִיא עָלָה עַבְדֵי
יא נְבֻכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל יְרוּשָׁלִָם וַתָּבֹא הָעִיר בַּמָּצוֹר׃ וַיָּבֹא
נְבֻכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל עַל־הָעִיר וַעֲבָדָיו צָרִים עָלֶיהָ׃
יב וַיֵּצֵא יְהוֹיָכִין מֶלֶךְ־יְהוּדָה עַל־מֶלֶךְ בָּבֶל הוּא וְאִמּוֹ וַעֲבָדָיו
וְשָׂרָיו וְסָרִיסָיו וַיִּקַּח אֹתוֹ מֶלֶךְ בָּבֶל בִּשְׁנַת שְׁמֹנֶה לְמָלְכוֹ׃
יג וַיּוֹצֵא מִשָּׁם אֶת־כָּל־אוֹצְרוֹת בֵּית יְהוָה וְאוֹצְרוֹת בֵּית
הַמֶּלֶךְ וַיְקַצֵּץ אֶת־כָּל־כְּלֵי הַזָּהָב אֲשֶׁר עָשָׂה שְׁלֹמֹה מֶלֶךְ־
יד יִשְׂרָאֵל בְּהֵיכַל יְהוָה כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר יְהוָה׃ וְהִגְלָה אֶת־
כָּל־יְרוּשָׁלִַם וְאֶת־כָּל־הַשָּׂרִים וְאֵת ׀ כָּל־גִּבּוֹרֵי הַחַיִל
עֲשָׂרָה אֲלָפִים גּוֹלֶה וְכָל־הֶחָרָשׁ וְהַמַּסְגֵּר לֹא נִשְׁאַר
טו זוּלַת דַּלַּת עַם־הָאָרֶץ׃ וַיֶּגֶל אֶת־יְהוֹיָכִין בָּבֶלָה וְאֶת־אֵם
הַמֶּלֶךְ וְאֶת־נְשֵׁי הַמֶּלֶךְ וְאֶת־סָרִיסָיו וְאֵת אוּלֵי הָאָרֶץ
טז הוֹלִיךְ גּוֹלָה מִירוּשָׁלִַם בָּבֶלָה׃ וְאֵת כָּל־אַנְשֵׁי הַחַיִל
שִׁבְעַת אֲלָפִים וְהֶחָרָשׁ וְהַמַּסְגֵּר אֶלֶף הַכֹּל גִּבּוֹרִים עֹשֵׂי
יז מִלְחָמָה וַיְבִיאֵם מֶלֶךְ־בָּבֶל גּוֹלָה בָּבֶלָה׃ וַיַּמְלֵךְ מֶלֶךְ־
בָּבֶל אֶת־מַתַּנְיָה דֹדוֹ תַּחְתָּיו וַיַּסֵּב אֶת־שְׁמוֹ צִדְקִיָּהוּ׃
יח בֶּן־עֶשְׂרִים וְאַחַת שָׁנָה צִדְקִיָּהוּ בְמָלְכוֹ וְאַחַת עֶשְׂרֵה
שָׁנָה מָלַךְ בִּירוּשָׁלִָם וְשֵׁם אִמּוֹ חֲמִיטַל בַּת־יִרְמְיָהוּ מִלִּבְנָה׃
יט כ וַיַּעַשׂ הָרַע בְּעֵינֵי יְהוָה כְּכֹל אֲשֶׁר־עָשָׂה יְהוֹיָקִים׃ כִּי ׀
עַל־אַף יְהוָה הָיְתָה בִירוּשָׁלִַם וּבִיהוּדָה עַד־הִשְׁלִכוֹ אֹתָם
מֵעַל פָּנָיו וַיִּמְרֹד צִדְקִיָּהוּ בְּמֶלֶךְ בָּבֶל׃

## כה

א וַיְהִי בִשְׁנַת הַתְּשִׁיעִית לְמָלְכוֹ בַּחֹדֶשׁ הָעֲשִׂירִי בֶּעָשׂוֹר
לַחֹדֶשׁ בָּא נְבֻכַדְנֶאצַּר מֶלֶךְ־בָּבֶל הוּא וְכָל־חֵילוֹ עַל־
ב יְרוּשָׁלִַם וַיִּחַן עָלֶיהָ וַיִּבְנוּ עָלֶיהָ דָּיֵק סָבִיב׃ וַתָּבֹא הָעִיר

---

כד, י׳ עלו קרי  יד׳ עשרת קרי  טו׳ אולי קרי  יח׳ חמטל קרי

8 אַכצן יאָר איז יהוֹיָכין אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און דריי חדשים האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם, און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען נחושתּאָ די טאָכטער פון אֶלנָתָנען, פון ירושָלַיִם.

9 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי אַלץ וואָס זיין פאָטער האָט געטאָן.

10 אין יענער צייט זיינען די קנעכט פון נבוכַדנֶצַר דעם מלך פון בָּבל אַרויפגעגאַנגען אויף ירושָלַיִם, און די שטאָט איז געקומען אין באַלעגערונג. 11 און נבוכַדנֶצַר דער מלך פון בָּבל איז געקומען אויף דער שטאָט, בעת זיינע קנעכט האָבן געלעגערט אויף איר.

12 איז יהוֹיָכין דער מלך פון יהודה אַרויסגעגאַנגען צו דעם מלך פון בָּבל, ער, און זיין מוטער, און זיינע קנעכט, און זיינע האַרן, און זיינע הויפדינער; און דער מלך פון בָּבל האָט אים אַוועקגענומען אין אַכטן יאָר פון זיין מלוכה.

13 און ער האָט אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַלע אוצרות פון גאָטס הויז, און די אוצרות פון מלכס הויז; און ער האָט צעהאַקט אַלע גילדערנע כלים וואָס שלמה דער מלך פון ישראל האָט געמאַכט אין דעם טעמפל פון גאָט— אַזוי ווי גאָט האָט אָנגעזאָגט. 14 און ער האָט פאַרטריבן גאַנץ ירושָלַיִם, און אַלע האַרן, און אַלע העלדישע גיבורים, צען טויזנט געפאַנגענע, און אַלע מיינסטערס און שלעסערס; קיינער איז ניט געבליבן אַחוץ די אָרימסטע פון דעם פאָלק פון לאַנד. 15 און ער האָט פאַרטריבן יהוֹיָכינען קיין בָּבל; אויך דעם מלכס מוטער, און דעם מלכס ווייבער, און זיינע הויפדינער, און די פּנֵי פון לאַנד, האָט ער אַוועקגעפירט אין גלות פון ירושָלַיִם קיין בָּבל. 16 און אַלע חילס־לייט, זיבן טויזנט, און די מיינסטערס און די שלעסערס, טויזנט, אַלע, גיבורים וואָס טויגן צו מלחמה, זיי האָט דער מלך פון בָּבל געבראַכט אין גלות קיין בָּבל.

17 און דער מלך פון בָּבל האָט געמאַכט פאַר מלך אָנשטאָט אים זיין פעטער מַתַּניָהן, און ער האָט אומגעביטן זיין נאָמען אויף צִדקִיָהו.

18 איין און צוואַנציק יאָר איז צִדקִיָהו אַלט געווען, אַז ער איז געוואָרן מלך, און עלף יאָר האָט ער געקיניגט אין ירושָלַיִם. און דער נאָמען פון זיין מוטער איז געווען חַמוטַל די טאָכטער פון יִרמיָהון, פון לִבנָה.

19 און ער האָט געטאָן וואָס איז שלעכט אין די אויגן פון גאָט, אַזוי ווי אַלץ וואָס יהוֹיָקים האָט געטאָן. 20 פאַרוואָר, פון וועגן דעם צאָרן פון גאָט איז דאָס געשען אויף ירושָלַיִם און יהודה, ביז ער האָט זיי אַוועקגעוואָרפן פון זיין פנים. און צִדקִיָהו האָט ווידערשפעניקט אָן דעם מלך פון בָּבל.

## כה

1 און עס איז געווען אין ניינטן יאָר פון זיין מלוכה, אין צענטן חודש, אין צענטן טאָג פון חודש, איז געקומען נבוכַדנֶצַר דער מלך פון בָּבל, ער און זיין גאַנצער חיל, אויף ירושָלַיִם, און ער האָט געלעגערט אויף איר, און זיי האָבן געבויט באַלעגערווערק רונד אַרום איר. 2 און די שטאָט איז געווען אין באַלעגערונג ביזן עלפטן יאָר פון

ג בַּמָּצ֔וֹר עַ֚ד עַשְׁתֵּ֣י עֶשְׂרֵ֣ה שָׁנָ֔ה לַמֶּ֖לֶךְ צִדְקִיָּֽהוּ׃ בְּתִשְׁעָ֣ה
לַחֹ֔דֶשׁ וַיֶּחֱזַ֥ק הָרָעָ֖ב בָּעִ֑יר וְלֹא־הָ֥יָה לֶ֖חֶם לְעַ֥ם הָאָֽרֶץ׃
ד וַתִּבָּקַ֣ע הָעִ֗יר וְכָל־אַנְשֵׁ֨י הַמִּלְחָמָ֜ה ׀ הַלַּ֗יְלָה דֶּ֜רֶךְ שַׁ֣עַר ׀
בֵּ֤ין הַחֹמֹתַ֙יִם֙ אֲשֶׁר֙ עַל־גַּ֣ן הַמֶּ֔לֶךְ וְכַשְׂדִּ֥ים עַל־הָעִ֖יר
ה סָבִ֑יב וַיֵּ֖לֶךְ דֶּ֥רֶךְ הָעֲרָבָֽה׃ וַיִּרְדְּפ֤וּ חֵיל־כַּשְׂדִּים֙ אַחַ֣ר
הַמֶּ֔לֶךְ וַיַּשִּׂ֥גוּ אֹת֖וֹ בְּעַרְב֣וֹת יְרֵח֑וֹ וְכָל־חֵיל֔וֹ נָפֹ֖צוּ מֵעָלָֽיו׃
ו וַֽיִּתְפְּשׂוּ֙ אֶת־הַמֶּ֔לֶךְ וַיַּעֲל֥וּ אֹת֛וֹ אֶל־מֶ֥לֶךְ בָּבֶ֖ל רִבְלָ֑תָה
ז וַיְדַבְּר֥וּ אִתּ֖וֹ מִשְׁפָּֽט׃ וְאֶת־בְּנֵ֣י צִדְקִיָּ֔הוּ שָׁחֲט֖וּ לְעֵינָ֑יו
וְאֶת־עֵינֵ֤י צִדְקִיָּ֙הוּ֙ עִוֵּ֔ר וַיַּאַסְרֵ֙הוּ֙ בַּֽנְחֻשְׁתַּ֔יִם וַיְבִאֵ֖הוּ בָּבֶֽל׃
ח וּבַחֹ֣דֶשׁ הַחֲמִישִׁ֗י בְּשִׁבְעָ֣ה לַחֹ֔דֶשׁ הִ֗יא שְׁנַת֙ תְּשַֽׁע־
עֶשְׂרֵ֣ה שָׁנָ֔ה לַמֶּ֖לֶךְ נְבֻכַדְנֶאצַּ֣ר מֶֽלֶךְ־בָּבֶ֑ל בָּ֞א נְבוּזַרְאֲדָ֧ן
ט רַב־טַבָּחִ֛ים עֶ֥בֶד מֶֽלֶךְ־בָּבֶ֖ל יְרוּשָׁלִָֽם׃ וַיִּשְׂרֹ֥ף אֶת־בֵּית־
יְהוָ֖ה וְאֶת־בֵּ֣ית הַמֶּ֑לֶךְ וְאֵ֨ת כָּל־בָּתֵּ֧י יְרוּשָׁלִַ֛ם וְאֶת־כָּל־
י בֵּ֥ית גָּד֖וֹל שָׂרַ֥ף בָּאֵֽשׁ׃ וְאֶת־חוֹמֹ֥ת יְרוּשָׁלִַ֖ם סָבִ֑יב נָֽתְצוּ֙
יא כָּל־חֵ֣יל כַּשְׂדִּ֔ים אֲשֶׁ֖ר רַב־טַבָּחִֽים׃ וְאֵ֨ת יֶ֤תֶר הָעָם֙
הַנִּשְׁאָרִ֣ים בָּעִ֔יר וְאֶת־הַנֹּֽפְלִ֗ים אֲשֶׁ֤ר נָֽפְלוּ֙ עַל־הַמֶּ֣לֶךְ
בָּבֶ֔ל וְאֵ֖ת יֶ֣תֶר הֶהָמ֑וֹן הֶגְלָ֕ה נְבוּזַרְאֲדָ֖ן רַב־טַבָּחִֽים׃
יב וּמִדַּלַּ֣ת הָאָ֔רֶץ הִשְׁאִ֖יר רַב־טַבָּחִ֑ים לְכֹֽרְמִ֖ים וּלְגֹבִֽים׃
יג וְאֶת־עַמּוּדֵ֨י הַנְּחֹ֜שֶׁת אֲשֶׁ֣ר בֵּית־יְהוָ֗ה וְאֶת־הַמְּכֹנ֞וֹת וְאֶת־
יָ֧ם הַנְּחֹ֛שֶׁת אֲשֶׁ֥ר בְּבֵית־יְהוָ֖ה שִׁבְּר֣וּ כַשְׂדִּ֑ים וַיִּשְׂא֥וּ אֶת־
יד נְחֻשְׁתָּ֖ם בָּבֶֽלָה׃ וְאֶת־הַסִּירֹ֨ת וְאֶת־הַיָּעִ֜ים וְאֶת־הַֽמְזַמְּר֤וֹת
וְאֶת־הַכַּפּוֹת֙ וְאֵת֙ כָּל־כְּלֵ֤י הַנְּחֹ֙שֶׁת֙ אֲשֶׁ֣ר יְשָֽׁרְתוּ־בָ֔ם
טו לָקָֽחוּ׃ וְאֶת־הַמַּחְתּוֹת֙ וְאֶת־הַמִּזְרָק֔וֹת אֲשֶׁ֤ר זָהָב֙ זָהָ֔ב
טז וַאֲשֶׁר־כֶּ֖סֶף כָּ֑סֶף לָקַ֖ח רַב־טַבָּחִֽים׃ הָעַמּוּדִ֣ים ׀ שְׁנַ֗יִם
הַיָּ֣ם הָאֶחָ֔ד וְהַמְּכֹנ֕וֹת אֲשֶׁר־עָשָׂ֥ה שְׁלֹמֹ֖ה לְבֵ֣ית יְהוָ֑ה
יז לֹא־הָיָ֣ה מִשְׁקָ֔ל לִנְחֻ֖שֶׁת כָּל־הַכֵּלִ֥ים הָאֵֽלֶּה׃ שְׁמֹנֶה֩ עֶשְׂרֵ֨ה
אַמָּ֜ה קוֹמַ֣ת ׀ הָעַמּ֣וּד הָאֶחָ֗ד וְכֹתֶ֨רֶת עָלָ֥יו ׀ נְחֹ֘שֶׁת֮ וְקוֹמַ֣ת

י׳ כא אחדים   יב׳ ולגבים קרי

מלך צדקִיָהון. [3] אין ניינטן טאָג פון [פירטן] חודש האָט זיך געשטאַרקט דער הונגער אין שטאָט, און עס איז ניט געווען קיין ברויט פאַר דעם פאָלק פון לאַנד. [4] און די שטאָט איז איינגעבראָכן געוואָרן, און אַלע מלחמה־לייט [זיינען אַנטלאָפן] בײַ נאַכט דורך דעם טויער צווישן די צוויי מויערן וואָס בײַם מלכס גאָרטן—און די כַּשׂדים זיינען געווען רונד אַרום דער שטאָט—און [דער מלך] איז אַוועק מיטן וועג פון פּלוין. [5] אָבער דער חיל פון די כַּשׂדים האָט נאָכגעיאָגט דעם מלך, און זיי האָבן אים אָנגעיאָגט אין די פּלוינען פון יריחו; און זיין גאַנצער חיל איז צעלאָפן פון אים. [6] און זיי האָבן געכאַפּט דעם מלך, און האָבן אים אַרויפגעבראַכט צום מלך פון בָּבל קיין רִבלָה; און מע האָט אַרויסגעזאָגט אויף אים אַ משפט. [7] און צדקִיָהוס זין האָט מען געשאָכטן פאַר זיינע אויגן; און צדקִיָהוס אויגן האָט ער בלינד געמאַכט, און ער האָט אים געשמידט אין קופּערנע קייטן, און געבראַכט קיין בָּבל.

[8] און אין פינפטן חודש, אין זיבעטן טאָג פון חודש—דאָס איז דאָס ניינצנטע יאָר פון מלך נבוּכַדנֶצַר דעם מלך פון בָּבל—איז געקומען נבוּזַרַאֲדָן דער הויפּט פון דעם לײַב־חיל, דער קנעכט פון דעם מלך פון בָּבל, קיין ירושָלַיִם. [9] און ער האָט פאַרברענט דאָס הויז פון גאָט, און דאָס הויז פון מלך; אויך אַלע הייזער פון ירושָלַיִם, ווי נאָר אַ הויז פון אַ גרויסן מאַן, האָט ער פאַרברענט אין פייער. [10] און די מויערן פון ירושָלַיִם רונד אַרום האָט דער גאַנצער חיל פון די כַּשׂדים וואָס מיט דעם הויפּט פון דעם לײַב־חיל איינגעוואָרפן. [11] און דעם רעשט פון פאָלק וואָס איז געבליבן אין שטאָט, און די אַריבערגעלאָפענע וואָס זיינען אַריבערגעלאָפן צו דעם מלך פון בָּבל, און דעם רעשט פון המון, האָט נבוּזַרַאֲדָן דער הויפּט פון דעם לײַב־חיל פאַרטריבן. [12] נאָר פון די אָרימסטע פון פאָלק האָט נבוּזַרַאֲדָן דער הויפּט פון דעם לײַב־חיל איבערגעלאָזן פאַר ווײַנגערטנירער און פאַר אַקערלייט.

[13] און די קופּערנע זיילן וואָס אין הויז פון גאָט, און די געשטעלן, און דעם קופּערנעם ים וואָס אין הויז פון גאָט, האָבן די כַּשׂדים צעבראָכן, און אַוועקגעטראָגן דאָס קופּער דערפון קיין בָּבל. [14] אויך די טעפּ, און די שופלען, און די שנייצמעסערס, און די שאָלן, און אַלע קופּערנע כּלים וואָס מע פלעגט דינען מיט זיי, האָבן זיי צוגענומען. [15] אויך די פייערפאַנען, און די שפּרענגבעקנס, וואָס גאָלד, גאָלד, און וואָס זילבער, זילבער, האָט דער הויפּט פון דעם לײַב־חיל צוגענומען. [16] די צוויי זיילן, דעם איין ים, און די געשטעלן, וואָס שלמה האָט געמאַכט פאַר גאָטס הויז—דאָס קופּער פון אַלע דיזאָזיקע כּלים איז ניט געווען אָפּצווועגן. [17] אַכצן איילן איז געווען די הייך פון איין זייל; און אַ קופּערנע קרוין

איז געווען אויף אים; און די הייך פֿון דער קרוין איז געווען דריי איילן; און אַ נעצווערק און מילגרוימען זיינען געווען אויף דער קרוין רונד אַרום, אַלץ פֿון קופּער; און דעסגלייכן צום צווייטן זייל, איבער דעם נעצווערק.

[18] און דער הויפּט פֿון דעם לײַב־חיל האָט גענומען שְׂרָיָה דעם כֹּהן־גָדול, און צפַנְיָה דעם צווייטן כֹּהן, און די דריי שוועלהיטערס; [19] און פֿון שטאָט האָט ער גענומען איין הויפּדינער וואָס איז געווען דער אויפֿזעער איבער די מלחמה־לייט, און פֿינף מענער פֿון די וואָס פּלעגן זען דעם מלכס פּנים, וואָס האָבן זיך געפֿונען אין שטאָט, און דעם שרייבער פֿון דעם חיל־פֿירער וואָס האָט אויפֿגענומען אין חיל דאָס פֿאָלק פֿון לאַנד, און זעכציק מאַן פֿון דעם פֿאָלק פֿון לאַנד וואָס האָבן זיך געפֿונען אין שטאָט. [20] און נבוזַראַדָן דער הויפּט פֿון דעם לײַב־חיל האָט זיי גענומען, און האָט זיי אַוועקגעפֿירט צו דעם מלך פֿון בָבל קיין רִבלָה. [21] און דער מלך פֿון בָבל האָט זיי געשלאָגן און געטייט אין רִבלָה אין לאַנד חֲמָת. אַזוי איז יהודה אַוועק אין גלות פֿון זיין לאַנד.

[22] און דאָס פֿאָלק וואָס איז געבליבן אין לאַנד יהודה, וואָס נבוכַדנֶצַר דער מלך פֿון בָבל האָט איבערגעלאָזן— איבער זיי האָט ער אויפֿגעזעצט גדַלְיָהו דעם זון פֿון אַחיקָם דעם זון פֿון שָפָנען.

[23] און ווי אַלע הויפּטלייט פֿון חיל, זיי מיט די מענטשן, האָבן געהערט, אַז דער מלך פֿון בָבל האָט אויפֿגעזעצט גדַלְיָהון, אַזוי זיינען זיי געקומען צו גדַלְיָהון קיין מִצפָּה: און יִשמָעֵאל דער זון פֿון נתַנְיָהן, און יוֹחָנָן דער זון פֿון קָרֵחַן, און שׂרָיָה דער זון פֿון תַּנחוּמֶתן, פֿון נטוֹפָה, און יַאֲזַנְיָהו דער זון פֿון דעם מַעֲכָתי, זיי מיט זייערע מענטשן. [24] און גדַלְיָהו האָט געשוואָרן זיי און זייערע מענטשן, און האָט צו זיי געזאָגט: איר זאָלט ניט מורא האָבן פֿאַר די קנעכט פֿון די כַּשׂדים; זיצט אין לאַנד, און דינט דעם מלך פֿון בָבל, און אַייך וועט גוט זיין.

[25] אָבער עס איז געווען אין זיבעטן חודש, איז געקומען יִשמָעֵאל דער זון פֿון נתַנְיָה דעם זון פֿון אֱלישָמָען, פֿון קיניגלעכן אָפּשטאַם, און צען מענטשן מיט אים, און זיי האָבן געשלאָגן גדַלְיָהון, און ער איז געשטאָרבן; אויך די יהודהער און די כַּשׂדים וואָס זיינען געווען מיט אים אין מִצפָּה. [26] און דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון קליין ביז גרויס, און די הויפּטלייט פֿון חיל, זיינען אויפֿגעשטאַנען און זיינען אַוועק קיין מִצרַיִם, וואָרום זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַר די כַּשׂדים.

[27] און עס איז געווען אין זיבן און דרייסיקסטן יאָר נאָך דעם גלות פֿון יהוֹיָכין דעם מלך פֿון יהודה, אין צוועלפֿטן חודש, אין זיבן און צוואַנציקסטן טאָג פֿון חודש, האָט אֱוִיל־מרוֹדַך דער מלך פֿון בָבל, אין דעם יאָר וואָס ער איז געוואָרן מלך, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ פֿון יהוֹיָכין דעם מלך פֿון יהודה, פֿון תּפיסה. [28] און ער האָט גערעדט צו אים פֿריינטלעך,

הַכֹּתֶרֶת שָׁלֹשׁ אַמָּה וּשְׂבָכָה וְרִמֹּנִים עַל־הַכֹּתֶרֶת סָבִיב
יח הַכֹּל נְחֹשֶׁת וְכָאֵלֶּה לָעַמּוּד הַשֵּׁנִי עַל־הַשְּׂבָכָה׃ וַיִּקַּח
רַב־טַבָּחִים אֶת־שְׂרָיָה כֹּהֵן הָרֹאשׁ וְאֶת־צְפַנְיָהוּ כֹּהֵן
יט מִשְׁנֶה וְאֶת־שְׁלֹשֶׁת שֹׁמְרֵי הַסַּף׃ וּמִן־הָעִיר לָקַח סָרִיס
אֶחָד אֲשֶׁר־הוּא פָקִיד ׀ עַל־אַנְשֵׁי הַמִּלְחָמָה וַחֲמִשָּׁה אֲנָשִׁים
מֵרֹאֵי פְנֵי־הַמֶּלֶךְ אֲשֶׁר נִמְצְאוּ בָעִיר וְאֵת הַסֹּפֵר שַׂר
הַצָּבָא הַמַּצְבִּא אֶת־עַם הָאָרֶץ וְשִׁשִּׁים אִישׁ מֵעַם הָאָרֶץ
כ הַנִּמְצְאִים בָּעִיר׃ וַיִּקַּח אֹתָם נְבוּזַרְאֲדָן רַב־טַבָּחִים וַיֹּלֶךְ
כא אֹתָם עַל־מֶלֶךְ בָּבֶל רִבְלָתָה׃ וַיַּךְ אֹתָם מֶלֶךְ בָּבֶל
וַיְמִיתֵם בְּרִבְלָה בְּאֶרֶץ חֲמָת וַיִּגֶל יְהוּדָה מֵעַל אַדְמָתוֹ׃
כב וְהָעָם הַנִּשְׁאָר בְּאֶרֶץ יְהוּדָה אֲשֶׁר הִשְׁאִיר נְבוּכַדְנֶאצַּר
מֶלֶךְ בָּבֶל וַיַּפְקֵד עֲלֵיהֶם אֶת־גְּדַלְיָהוּ בֶּן־אֲחִיקָם בֶּן־שָׁפָן׃
כג וַיִּשְׁמְעוּ כָל־שָׂרֵי הַחֲיָלִים הֵמָּה וְהָאֲנָשִׁים כִּי־
הִפְקִיד מֶלֶךְ־בָּבֶל אֶת־גְּדַלְיָהוּ וַיָּבֹאוּ אֶל־גְּדַלְיָהוּ הַמִּצְפָּה
וְיִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה וְיוֹחָנָן בֶּן־קָרֵחַ וּשְׂרָיָה בֶן־תַּנְחֻמֶת
כד הַנְּטֹפָתִי וְיַאֲזַנְיָהוּ בֶּן־הַמַּעֲכָתִי הֵמָּה וְאַנְשֵׁיהֶם׃ וַיִּשָּׁבַע
לָהֶם גְּדַלְיָהוּ וּלְאַנְשֵׁיהֶם וַיֹּאמֶר לָהֶם אַל־תִּירְאוּ מֵעַבְדֵי
הַכַּשְׂדִּים שְׁבוּ בָאָרֶץ וְעִבְדוּ אֶת־מֶלֶךְ בָּבֶל וְיִטַב לָכֶם׃
כה וַיְהִי ׀ בַּחֹדֶשׁ הַשְּׁבִיעִי בָּא יִשְׁמָעֵאל בֶּן־נְתַנְיָה
בֶּן־אֱלִישָׁמָע מִזֶּרַע הַמְּלוּכָה וַעֲשָׂרָה אֲנָשִׁים אִתּוֹ וַיַּכּוּ אֶת־
גְּדַלְיָהוּ וַיָּמֹת וְאֶת־הַיְּהוּדִים וְאֶת־הַכַּשְׂדִּים אֲשֶׁר־הָיוּ אִתּוֹ
כו בַּמִּצְפָּה׃ וַיָּקֻמוּ כָל־הָעָם מִקָּטֹן וְעַד־גָּדוֹל וְשָׂרֵי הַחֲיָלִים
כז וַיָּבֹאוּ מִצְרָיִם כִּי יָרְאוּ מִפְּנֵי כַשְׂדִּים׃ וַיְהִי בִשְׁלֹשִׁים
וָשֶׁבַע שָׁנָה לְגָלוּת יְהוֹיָכִין מֶלֶךְ־יְהוּדָה בִּשְׁנֵים עָשָׂר חֹדֶשׁ
בְּעֶשְׂרִים וְשִׁבְעָה לַחֹדֶשׁ נָשָׂא אֱוִיל מְרֹדַךְ מֶלֶךְ בָּבֶל
בִּשְׁנַת מָלְכוֹ אֶת־רֹאשׁ יְהוֹיָכִין מֶלֶךְ־יְהוּדָה מִבֵּית כֶּלֶא׃
כח וַיְדַבֵּר אִתּוֹ טֹבוֹת וַיִּתֵּן אֶת־כִּסְאוֹ מֵעַל כִּסֵּא הַמְּלָכִים

יז׳ אמה קרי   יח׳ פתח בסיס

אֲשֶׁר אִתּוֹ בְּבָבֶל׃ וְשִׁנָּא אֵת בִּגְדֵי כִלְאוֹ וְאָכַל לֶחֶם כט
תָּמִיד לְפָנָיו כָּל־יְמֵי חַיָּיו׃ וַאֲרֻחָתוֹ אֲרֻחַת תָּמִיד נִתְּנָה־ ל
לּוֹ מֵאֵת הַמֶּלֶךְ דְּבַר־יוֹם בְּיוֹמוֹ כֹּל יְמֵי חַיָּו׃

ל׳ חסר י

און האָט געשטעלט זיין שטול איבער די שטולן פון די מלכים וואָס ביי אים אין בָבל. [29] און ער האָט אומגעביטן זיינע תּפיסה־קליידער, און ער האָט געגעסן ביי אים ברויט תמיד אַלע טעג פון זיין לעבן. [30] און זיין אויסקומעניש, אַ שטענדיקע אויסקומעניש, איז אים געגעבן געוואָרן פון מלך טאָגטעגלעך אַלע טעג פון זיין לעבן.

# חזק ונתחזק

סכום פסוקי דספר מלכים אלף וחמש מאות ושלשים וארבעה.
וסימנו אשרי הגוי אשר ה׳ אלהיו. וסדריו חמשה ושלשים.
וסימנו ואני אהיה לה נאם ה׳ חומת אש סביב ולכבוד אהיה בתוכה
וחציו ויקבץ מלך ישראל את הנביאים:

ברוך הנותן ליעף כח ולאין אונים עצמה ירבה:

# הקדמת הרב המגיה

הנה יקירי הרוח הנכבדים בעם כ' מר דוב בער דווארקין י' ורעיתו מרת חוה ת', חתנו ובתו של כ' המנוח יהואש בלומגארדן ע"ה המתרגם כ"הק לאידית החליטו להדפיס את תרגומו שוב במהדורה חדשה ומוגהת בצד הפנים של כ"הק למען הוסיף תועלת לכל הקורא בשום לב, לקרבו להבנת המקור של ספר הספרים ע"י השואת הפנים עם התרגום הדיקני והמסרתי שבצדו. והאנשים הישרים האלה עם השתדלותם זו נשאם לבם עוד להגיה גם את הפנים ולהסיר שבושים שעלו בו, כדי להתאים את נוסחתו עם המס', באפן שהדבר הטוב אשר רחש לבם, יהיה דבר ולא חצי דבר. וכאשר זממו כן בצעו. ונתקים בהם מאמר רז"ל (שבת לב' ע"א): מגלגלין זכות ע"י זכאי, כי על ידם יצא לפעל דבר גדול שצפו לו מאז כל ישרי לב ומחבבי עמם, ר"ל: תנ"ך מוגה ומנֻקה מכל שבוש, שכל סדורו והגהתו יצא מידי אחינו בני ישראל, תחת ספרי תנ"ך המצויים שהוצאו לאור ע"י מפיקי כ"הק המסיונרים.

והנה כותב הטורים האלה זכה שימסר התפקיד החשוב והאחראי הזה בידו. ואני מדעתי גֹדל אחריות המלאכה התויתי לי התואה זו טרם גשתי אליה: א) לשמור מכל משמר את המס' כשהיא ברורה ונעלה מכל ספק, ב) כשהיא מסֻבכת וכונתה מסופקת, אז אפנה אל הגדולים חכמי הלב שעמלו לישר את הרכסים, והם המ"ש והרוו"ה ז"ל, והח' פרענסדארף וב"וד, ג) ואם אין בפיהם דבר, או הם מחולקים ביניהם, אז רוב הספרים הישנים וכ"י יכריעו. ובמקרה כזה יש שאקצה מקום לנוסח השני בשולי הגליון.

לעבודתי זו השתמשתי בהוצאות שונות של תנ"ך, וביחוד: תנ"ך מקראות גדולות, תנ"ך שנסדר ע"פ דפוס באמבערג, ושל באער-דליטש, ושל קיטל, ושל לטריס.

בנוגע לחלוף נוסחאות בטעמים, אם א"א להכריע מן המס', נשאתי פנים לנוסח הרווח לקבעו בפנים, אפילו אינו מתבאר אלא בדחק, ואת הנוסח השני הקציתי בשולי הגליון תחת הקו, וכשאינו מתבאר אפילו בדחק, בכרתי את הנוסח השני על הרווח לקבעו בפנים.

ההערות הבאות תחת הקו בכלל כוללות עניני מסרה של קרי לעמת כתיב, סבירין, יוצאים מן הכלל וכדומה, ובנ"וכ גם נוסחאות אחרות. אבל בתורה לא הזכרתי כל נוסח אחר, ואפילו מה שיש עליו הוכחה ברורה מפירושי הקדמונים, כמו: וְזֹאת כל אשר אצוה (שמות כה, כב) בתוספת ו'-החבור, כן קראו רש"י והרא"בע והחזקוני ובעל המבחר, ולפי עדותו של הרב הדר. החוקר הנפלא ר' חיים העללער נ"י, קרא כן גם הגאון ר' סעדיה ז"ל, ובכל זאת אחר שנשתקעה ו' זו ונתבטלה מנוסח כל הספרים, אין להזכירה כלל היום, ואפילו היתה מציאותה אמתית ומקורית, נֹאמר שכן רצונו של נותן התורה ית"ש, המסבב כל הסבות שתתבטל ו' זו. נוסח התורה אחד הוא כיום בכל תפוצות ישראל, מלבד שני מקומות בה, שעדין לא נשתחררו משנוי נוסח, והם: ויהיו כל ימי נח (בראשית ט, כט) בו' הרבוי בספרי התימנים, פצוע דכא (דברים כג, ב) בא' במקצת ספרי אשכנז. אבל עי' עליהם במ"ש.

מלה שהוער עליה דבר, נרשם עליה כוכב נגד אמצעה, וכשהשנוי המוער נוגע באות אחת, נרשם הכוכב על האות ההיא, ובשנוי נוסח בטעמים המתפשט על כמה מלים נרשמו בפנים שני כוכבים, האחד על האות הראשונה שבמלים ההן, והשני על האות האחרונה שבהן.

בתהלים, משלי ואיוב השמטתי את ההערה „פתח באתנח" כשהוא בא אחר עולה ויורד, ואדרבא העירותי על קמץ שבא בו ת' פתח, לפי שבספרים האלה מקביל הטעם עולה ויורד לאתנח שבשאר הספרים, והאתנח שאחר ע"וי לזקף שבהם. בטעמי הספרים הנ"ל סמכתי הרבה על הוצאת ב"וד ששיטת הטעמתם בכלל נכונה וקבועה על חקי ההטעמה המבוססים בס' תורת אמת על יסודי בן אשר ובן בלעם. ובמקום שהטעמים בהוצאת ב"וד הם נגד חקי ההטעמה, ולא העירו על השנוי, החזקתים למשבשים וקבעתי את ההטעמה ע"פ חקיה. ובמקרה כזה נמקתי את הדבר בהערה שבחלק ההערות הנספחות בסוף התנ"ך.

בכל אלה לא הלכתי בעינים עצומות אחר מי שהוא, אך שקלתי ובחנתי כל דבר ע"פ מקורו ונמוקו, ובמקום שמצאתי את הגדולים שטעו, סרתי מאחריהם והעירותי על הדבר בלי כל משא פנים.

כתבי היד ודפוסים ישנים שאני מזכיר כפעם בפעם הוצאתי מתוך קבץ הנוסחאות שבהערות גינצבורג בשולי הגליון של תנ"ך (חקוי) באמבערג הנ"ל.

מקומות הפתוחות והסתומות שבנ"וכ מסופקים מאד, וע"כ הנחתים כמו שהם בלטריס, שהיא ההוצאה הכי רווחת, אלא שספחתי בסוף התנ"ך לוח הפתוחות והסתומות לפי הכרעת הרב ר' פסח פינפער בספרו „מסרת המקרא" ע"פ רוב כ"י.

שנים אחדות בליתי בהגהה זו, ודנתי על כל דבר בכבד ראש ובמתינות ראויה, ואקוה שעלתה בידי כהוגן, „יגעתי ומצאתי תאמין".

ועתה קוראים נכבדים, הנה לפניכם ספר התנ"ך מוגה היטב וכלול בהדרו, הספר הקדוש המשמש מעולם נֵר לרגלנו, וחבל נֹעם לאגוד נפוצותינו, וכוס תנחומים לעתות תלאותינו. שימו עיניכם ולבכם בו כל הימים, „הפך בה והפך בה דכלא בה".

חיים מרדכי ב"ר יוסף אריה הכהן ברכר
רב ומו"צ בבי"הכנ „משאת בנימין" בנו-יורק

ג' כסלו תש"א לפ"ק

# לוח ראשי התֵּבות

### א

| | |
|---|---|
| א"א | אי אפשר |
| אא"כ | אלא אם כן |
| א"ב | איסורי ביאה |
| או"א | אכלה ואכלה |
| אח"כ | אחר כן |
| א"י | ארץ ישראל |
| א"כ | אם כן |
| אכ"מל | אין כאן מקום להאריך |
| אמ"ת | איוב, משלי, תהלים |
| אס"פ | אתנח סוף פסוק |
| אע"פ | אף על פי |
| אפי' | אפילו |
| א"ת | אור תורה |

### ב

| | |
|---|---|
| ב"א | בן אשר |
| ב"ב | באמבערג |
| בד"ה | בדבור המתחיל |
| ב"ה | ברוך השם; ברוך הוא |
| בהמ"ק | בית המקדש |
| ב"וד | באער ודעליטש |
| ב"ז | בן זאב |
| בכ"ז | בכל זאת |
| בכ"מ | בכל מקום |
| בל"ז | בלא זאת |
| ב"ם | בר מן; בבא מציעא |
| במד' | במדבר |
| במח"כ | במחילת כבודו |
| בע"הט | בעל הטעמים |
| בפ"ע | בפני עצמו |

### ג

| | |
|---|---|
| ג"כ | גם כן |
| גמ' | גמרא |

### ד

| | |
|---|---|
| ד"ה | דברי הימים; דבור המתחיל |
| דה"א | דברי הימים א' |
| דה"ב | דברי הימים ב' |
| ד"י | דפוסים ישנים |
| דכו' | דכוותיה |

### ה

| | |
|---|---|
| ה' | השם; הלכה |
| הגר"א | הגאון ר' אליהו |
| ה"הג | הרב הגאון |
| הח' | החכם |
| הי"ל | היה לו |
| היר"ל | היה ראוי להיות |
| הנ"ל | הנזכר למעלה |
| הפ' | הפטרה; הפטרת |
| הפט' | הפטרה; הפטרת |
| הר"הג | הרב הגאון |

### ו

| | |
|---|---|
| וגו' | וגומר |
| וכו' | וכולו |

### ז

| | |
|---|---|
| ז"א | זאת אומרת |
| ז"ג | זקף גדול |
| ז"ל | זכרונו לברכה; זה לשונו |
| זל"ז | זה לזה |
| זצ"ל | זכר צדיק לברכה |
| ז"ק | זקף קטן |

### ח

| | |
|---|---|
| ח' | חסר; חוברת |
| חד"ח | חסר דחסר |
| חז"ל | חכמינו ז"ל |
| חט"ס | חטף סגל |
| חט"פ | חטף פתח |
| חט"ק | חטף קמץ |
| חלה"נ | חלקת הנקוד |
| חל"הפ | חלקת הפעלים |
| ח"ס | חטף סגל |
| ח"פ | חטף פתח |
| ח"ק | חטף קמץ |

### ט

| | |
|---|---|
| ט"ס | טעות סופר |

### י

| | |
|---|---|
| יהב"י | ר' יקותיאל הכהן ב"ר יהודה (בעל ס' עין הקורא) |
| יה"ר | יהי רצון |
| יצ"ו | ישמרהו צורו וגואלו |
| ית' | יתברך |

### כ

| | |
|---|---|
| כ' | כתב; כתוב; כתובה |
| כ"ה | כן הוא |
| כ"הק | כתבי הקדש |
| כ"ז | כל זאת |
| כ"ח | כרם חמד |
| כ"י | כתב־יד; כתבי־יד |
| כיו"ב | כיוצא בזה |
| כי"י | כתבי־יד ישנים |
| כ"כ | כתוב כן; כתובים כן |
| כ"מ | כל מקום; כסף משנה |
| כ"נ | כן נראה |
| כנ"ל | כנזכר למעלה |
| כצ"ל | כן צריך להיות |

### ל

| | |
|---|---|
| ל' | לשון |
| ל"נ | לי נראה |
| לפי"ז | לפי זה |

### מ

| | |
|---|---|
| מ' | מלא |
| מ"א | מלכים א' |
| מ"ב | מלכים ב' |
| מ"ג | מסרה גדולה |
| מד"מ | מלא דמלא |
| מהר"ם | מורינו הרב ר' מאיר (מלובלין) |
| מח' | מחברת |
| מכ"ז | מכל זה |
| מכ"ש | מכל שכן |
| מל"א | מלכים א' |
| מל"ב | מלכים ב' |
| מלדמ"ל | מלא דמלא |
| מס' | מסרה |
| מס"ג | מסרה גדולה |
| מסה"ג | מסרה הגדולה |
| מסה"ק | מסרת הקריאה |
| מס"ק | מסרה קטנה |
| מס"ר | מסרה רבתא |
| מע"לע | מעת לעת |
| מ"ק | מסרה קטנה |
| מק"ג | מקראות גדולות |
| מ"ש | מנחת שי |
| משא"כ | מה שאין כן |
| משה"ט | משפטי הטעמים |
| מ"ת | מתן תורה |

### נ

| | |
|---|---|
| נ"א | נוסח אחר; נוסחאות אחרים |
| נ"וכ | נביאים וכתובים |
| נ"ל | נראה לי |
| נל"א | נחי לא' |

| | |
|---|---|
| נ"מ | נפקא מינה |
| נמס' | נמסר |
| נסו"א | נסוג אחור |
| נע"ו | נחי ע' ו' |

## ס

| | |
|---|---|
| ס' | ספר; ספרים |
| ס"א | ספרים אחרים |
| סי' | סימן |
| ס"י | ספר ישן; ספרים ישנים |
| ס"מ | ספרים מדויקים |
| ס"ס | ספרי ספרד |
| ס"פ | סוף פסוק |
| ס"ת | ספר־תורה |

## ע

| | |
|---|---|
| ע' | עמוד; עין |
| ע"ג | על גבי |
| ע"ד | על דבר; על דרך |
| ע"ה | עליו השלום |
| עו"י | עולה ויורד |
| ע"ז | על זה |
| עי' | עין |
| ע"י | על ידי |
| ע"כ | על כן |
| עכ"ל | עד כאן לשונו |
| עכ"פ | על כל פנים |
| ע"מ | על משקל |
| ע"פ | על פי |
| עפ"י | על פי |
| ע"ש | עיין שם |

## פ

| | |
|---|---|
| פ' | פרשה; פסוק; פרק |
| פ"ד | פרענסדאָרף |
| פי' | פירוש; פירש |

## צ

| | |
|---|---|
| צ"ל | צריך להיות |
| צ"ע | צריך עיון |

## ק

| | |
|---|---|
| קה"נ | קובץ הנוסחאות |
| קי"ל | קיימא לן |
| ק"ש | קריאת שמע |

## ר

| | |
|---|---|
| ר' | ראה |
| ר"א | ר' אברהם |
| ראב"ד | ר' אברהם בן דוד |
| ראב"ע | ר' אברהם בן עזרא |
| רד"ק | ר' דוד קמחי |
| רוו"ה | ר' וואָלף היידענהיים |
| רז"ה | ר' זלמן הענא |
| רז"ל | רבותינו ז"ל |
| ר"ח | ראש חדש; ר' חיים הירזשענזאָן |
| ר"י | ר' יונה אבן גאנח |
| ר"ל | רצה לומר |
| רלב"ג | ר' לוי בן גרשם |
| ר"מ | רביע מוגרש; ר' משה |
| רמ"א | ר' משה אריה |
| רמב"ם | ר' משה בן מימון |
| רמבמ"ן | ר' משה בן מנחם |
| רמב"ן | ר' משה בן נחמן |
| רמ"ה | ר' משה הנקדן |
| ר"פ | ריש פסוק |
| רש"בי | ר' שמעון בן יוחאי |
| רשד"ל | ר' שמואל דוד לוצאטו |
| רש"י | ר' שלמה יצחקי |
| רשל"ג | ר' שמואל לייב גרדון |

## ש

| | |
|---|---|
| ש' | שער |
| ש"א | שמואל א' |
| שאל"כ | שאם לא כן |
| ש"ב | שמואל ב' |
| שד"ל | שמואל דוד לוצאטו |
| שה"ש | שיר השירים |
| ש"ז | שערי זמרה |
| ש"מ | שמע מינה |
| שמ"א | שמואל א' |
| שמ"ב | שמואל ב' |
| שק"הח | שקיעת החמה |
| ש"ש | שום שכל |

## ת

| | |
|---|---|
| ת' | תחת |
| תו"א | תורת אמת |
| תו"הק | תורתנו הקדושה |
| ת"י | תחת ידי |
| ת"ל | תהלה לאל |
| תל"ג | תלישא גדולה |
| תל"ע | תלמוד לשון עבר |
| תל"ק | תלישא קטנה |
| תנ"ך | תורה, נביאים, כתובים |

# בראשית

**א** יד) וְלמועדים – שמתי מתג תחת הו' ע"פ הרוו"ה בשום שכל בשם ר"א בחור ור"א בלמשי. וכן: יח) וְלְהַבדּיל – הו' במתג והל' בח"פ, וטעם המלה ז"ק (רוו"ה שם), וכן בחומש רשד"ל, ב"ב וש"ב, ושם רשום בשולי הגליון „כצ"ל". והעירותי גם על הנוסח „ולהבדּיל", הנמצא בספרים.

**ב** ח) גַּ֫ן – במרכא ע"פ נמוק הרוו"ה שם, שא"א לעולם לבוא מקף לפני טפחא אם אין מרכא לפניו, ונסתיע ע"ז מכ"י של שנת נ"ד. יד) וְשֵׁם – בקדמא (משה"ט ס"ו ע"ב, ור' מ"ש). טז) מִכֹּל עֵץ – בתביר ומרכא (רוו"ה בש"ש ע"פ כ"י הנ"ל שנמסר עליו „בן נפתלי מכל עץ במקף" ללמד שההטעמה שבפנים היא לבן אשר שהלכה כמותו).

**ג** ג) פֶּן – בטפחא. ע"פ נמוק הרוו"ה שם. שלעולם אין אס"ף בלי טפחא במלה המחוברת לפניהם, ובסיוע כ"י הנ"ל. יד) אלהִים | – במרכא בסבת הפסיק שלאחריו (רוו"ה שם ובמשה"ט ט"ז ע"ב). כד) לִשְׁמֹר את־דֶרֶךְ עֵץ – כן בכל ס"מ.

**ה** ד) ויהְיוּ | יְמֵי אדם – (רוו"ה ע"פ כ"י הנ"ל). ובלטרים: ויהְיוּ ימי־אָדם, והוא שבוש גלוי לכל יודע בחקי ההטעמה, שהרי לפי הנתוח מלת „אדם" דורשת מפסיק פתוח ממלת „שת", והרי בכל טעם הנשנה, כח הראשון גדול משלאחריו.

**ו** ד) וְגם אחרי־כֵן – לפי הטעמים נמשך למטה. ודוגמתו: ש"ב כד, י'.

**ז** יד) כֹּל צִפּוֹר – כן בכל ס"מ.

**ח** יג) נֹחַ הטעמתי בשני פשטין בכל כיו"ב כמנהג ספרי אשכנז (ר' מ"ש), לפי שכן מנהג רוב ס"מ, ויש בו תועלת לקורא הפשוט להורותו מקום ההטעמה. טו) וידַבֵּר אלהִים אל־נֹחַ – כן בכל ס"מ, ונכון לפי חקי ההטעמה (ר' תו"א צד 70).

**יא** ט) על־כֵּן – ברביע כהכרעת הרוו"ה בשום שכל ע"פ כללו, שכל „על כן" שאחריו מהפך פשטא וזקף (בלי מונח) או דרגא ותביר, כשאין מלת המהפך או הדרגא במתג, בא „על כן" ברביע, וזולת זה הוא בגרשים, ונסתיע ג"כ מכ"י הנ"ל. ודוגמת זה פזר במקום תל"ג הבא לפני גרש כשמלת הגרש במתג (תל"ע סי' שצ"ב). כט) שָׂרָי – כצ"ל בקמץ, והיא מס' מפורשת בריש ויקרא, ובמס' או"א סי' כ"א, וכן בכל ס"י בעדות בעל מנחת כליל.

**יב** ח) לְבֵית־אל – הרוו"ה בשם יהב"י הנקדן החזיק בנוסחת בֵּיתְאֵל מלה אחת, וכן הדפיס בחומש שלו, ואחריו הדפיסו כן בו"ד בהוצאתם, והח' באער לבדו בתקון סופרים שלו, ובראש הת"ס האריך בהערה להוכיח צדקת דעה זו ע"פ הראיות האלה: הא') שמצאנו בית־אל באתנח ולפניה זקף וטפחא (בראשית לה, ו', ז'), מה שא"א לעולם, אם לא הקדימו שתי תנועות, או תנועה אחת מתוגה, את ההברה המוטעמת שבמלת האס"פ, ומזה אפוא ראיה שקרא בעה"ט בֵּיתְאֵל מלה אחת, שהברתה הראשונה מתוגה. הב') אם „בית־אל" שתי מלים, מה נשתנו אלה מכל שם אחר בסמיכות „בית" לידון במקף ולא במשרת כמוהן: בֵּית לֶחם (בראשית לה, י"ט), ובֵית פֶּלֶט (יהושע טו, כ"ז), בֵּית אָוֶן (יח, י"ב), בֵּית שֶׁמֶשׁ (ש"א ו, ט'), בֵּית שְׁאָן (לא, י')? הג') מן הסברה הישרה, שכן כל שמות עצם שסופם אֵל הם מלה אחת, כמו עמיאל, צוריאל, פנואל, כן ודאי גם ביתאל כמוהם. הד') שכן היא לעולם מלה אחת בתרגום הע'. וְהה') שכן היא כתובה מלה אחת בהרבה מקראות כ"י עתיקים מאד, וכן נמסר עליה במס"ק כ"י ישן המונח בעיר ערפורט: „כל ביתאל כתוב מלה אחת", וכן ראה אותה כתובה בס"ת של מהרם ז"ל הנתון למשמרת בארון הקדש של קהל ווארמס. זה תכן ראיותיו. ואני הכותב לא נגררתי אחריהם בהוצאה זו, לפי שראיותיו של באער שהיו נראות לי מוצקות מאד לפנים, הנה נתרופפו בעיני אחר זמן עם ההתבוננות, וראיתי שאינן מוכיחות כלום. מן ההטעמה אין ראיה, לפי שהכלל של חלוף טפחא בזקף ע"י הקדמת ב' תנועות או תנועה אחת מתוגה את ההברה המוטעמת שבמלת האס"פ, הלא הוא מותנה בחבור המלה שהיתה ראויה לטפחא עם מלת האס"פ חבור גמור, **ולא זולת זה (ר' תל"ע סי' שפ"ט 3). וע"כ** אין ראיה כלל מן בראשית לה, ו', שהמלים „הוא בית אל" הן משפט מוסגר לעצמו, וראוי אפוא להפסיק לפניהן בזקף, ובפסוק ז' שם נ"ל, שע"כ הוטעם וַיִּקְרָא לַמָּקוֹם אֵל, משום שמלת „אל" ראויה בכל אפן להפסק קל, לפי שהשם המחודש כולל משפט שלם, „אל בית אל" ר"ל האל הוא בבית־אל, או נגלה עלי בבית אל, ואלו היתה מלת „אל" מוטעמת מונח, היה צ"ל אחריה פסיק, כמו: ה' | נסי (שמות יז, ט"ו), ה' | שלום (שופטים ו, כ"ד), ה' | שמה (סוף יחזקאל), ע"כ אפשר שכאן שמלת הטפחא כבירה, בחר בעה"ט להחליפו בזקף ולהפסיק „אל" בטפחא. זו השערתי, אך באמת עיקר הכלל עודנו מעומעם וטעון בֵרור (ר' תל"ע שם בהערת המבין, ותו"א צד 70 וצד 71 בפנים ובהערה), ועוד שאפילו אם נסכים לבאער שההברה המתוגה היא הנורמת לחלוף הטפחא בזקף, במה יגרע כח המתג במלה המוקפת מכחו במלת הטעם עצמה? – ומה ששאל על שנוי סמיכות בית־אל מכל סמיכות „בית" לידון במקף, לא שאל כענין, כי נאמר לו: ולטעמך: מה נשתנה „ביתאל" מכל סמיכות „בית" להתלכד למלה אחת? – ומה שהשיב מן הסברה, ממה שראינו שכל המורכבים עם השם „אל" נעשו עמו מלה אחת, הנה לפנינו יפתח־אל (יהושע יט, י"ד, כ"ז) שהן במקף בכל הספרים. ומתרגום השבעים אין ראיה כלל, שכן הם תרגמו גם „בית לחם" מלה אחת. והנה בחלופי הקריאה שבין מערבאי ומדנחאי נמצא שנוסח ההקפה הוא למערבאי ונוסח ההתלכדות הוא למדנחאי, ובידוע דאנן קי"ל כמערבאי, והמקראות העתיקים ומסרת כ"י ערפורט נטו בדבר זה אחר מדנחאי, וכמוהם הסופר שכתב את הס"ת המיוחס למהר"ם ז"ל. והנה בקיטל, שהועתק מתוך כ"י עתיקים, לעולם „בית אל" במקף. וכן נראה ממס' סופרים פרק ה', ומסכת זו היא מימי הגאונים ונופלת בזמן חבור המסרה. וכן מפורש בס' הרקמה לר"י אבן גאנח שער כ"א צד 138 דפוס פראנקפורט, וז"ל: „ודע כי אמרם אבי העזרי ראיה על שאביעזר אינו אצלם שם אחד על השלמות, ר"ל שאין חבורו גמור, אבל הוא כמו בית שמש ובית אל, ואם אינו נוהג בספר המנהג הזה". כונתו בסוף דבריו היא: אע"פ שאין כתיבת שלשתם שוה בכה"ק, כי „אביעזר" כתוב מלה אחת, ו„בית שמש" ו„בית אל" כתובים שתים מלים. הנה מזה ברור שקרא „בית אל" שתי מלים. ומלבד כ"ז, הלא כבר נתפשט כן בין הסופרים, וכל ספרי התורה כתובים כן, לרבות גם ספרי התימנים, כמו שהעיד בפָני ידידי הסופר המובהק התימני ר' חיים ושאדי מירושלים יצ"ו. וא"כ היא היא ההלכה, והיא המכריעה נגד כל כ"י שבעולם.

**יג** ו) וְלא יכלוּ – כן בכֹּל ס"מ (ור' למעלה ב, ח').

**טו** ה) כֹּה יהְיֶה – כן ברוב הספרים, ונכון לפי הנתוח. טז) כִּי לֹא – (רוו"ה ע"פ כ"י הנ"ל) ונמקה ע"פ כלל, שכן דין כל „כי לא" שלפני תביר המוטעם בתנועה השנית, חוץ מן „כִּי לֹא יכלוּ" (ד"ה ב' ל, ג') שבא בדרגא ע"פ מס' פ' שמיני (ויקרא יא, י"ב).

**טז** ד) וַתַּהַר – העירותי „פתח באתנח".

**יז** יט) אשתְּךָ – ברביע (ר' כרם חמד, מחברת תשיעית צד 1). כ) וְלישמעאל – הו' במתג בס"מ. כז) בָּ֫יִת – העירותי „קמץ בז"ק".

**יח** יד) לַמּוֹעֵד – בגרשים ולא ברביע (רוו"ה). וכן הוא בהוצאת רשד"ל, ש"ב וקיטל. וכן נכון לפי הנתוח, כי התביר מפסיק פחות מן הטפחא והגרש פחות מן התביר, ונמצא „למועד אשוב אליך" רהוט אל „כעת חיה", שהוא תוספת באור לו, והכל יחד משמש משפט צדדי מתכונת הזמן לבסוס המשפט הראשי „ולשרה בן", אבל הרביע גדול מן התביר, ונמצא „למועד" מופסק יותר מן „אליך", ונעשה המשפט מקולקל ובלתי מובן. כד) הַאַף תִּסְפֶּה – רשד"ל תמה על מה שלא הוטעם: הַאַף תִּסְפֶּה, מאחר שמלת „למען" משמשת מצב התכלית לפעל „תשא" (ע"ש בבאורו). ונ"ל שהמטעים הבין „למען"=למרות, דוגמת: „למען שוררי" (תהלים ה, ט'), ונמצאת קשורה עם „תספה".

יט ב) הנה נא־אדני – כ"ה ע"פ המסרה דדניאל ה', שמסרה שני „נא" הדגושים בלא מבטל, והם זה וחברו אמלטה נא (יט, כ'). וכן בס"מ. והעירותי על השנוי בשני המקומות. ט) ויפצרו – הטעם על הר', לפי שהוא קדמא, ובקצת ספרים הוא על הו', והוא שבוש. לד) ממחרת – בכל מקום מ' שניה במתג ולא במונח, כדין לפני חטף הסמוך לטעם.

כ יג) ויהי כאשר התעו אתי – לפי הנתוח המקובל היה ראוי להטעים: ויהי כאשר התעו אתי (ככה, ודלא כרשד"ל), ולא ברביע שכח הפסקו גדול הרבה מן הזרקא. ונ"ל הנתוח לפי המטעים: „אלהים מבית אבי"=מי שהיה לי לאלהים מעת היותי עוד בבית אבי, השוה: הושע יב, י'. וכונת ההטעמה כדי שיובן שהשם קדש, ולא אלהי נכר הארץ, אע"פ שהפעל „התעו" ברבוי.

כב א) ויאמר אליו – בדרגא ותביר. כן בכמה כ"י וד"י (ר' בכ"ח מחברת ט' צד 2), וכן נכון לפי הנתוח. אבל הטעמת „ויאמר אליו" שבוש היא, כי לפיה יהיה במשמע ששלש המלים „אברהם ויאמר הנני" הן תכן האמרה (רשד"ל שם ובמשתדל). אבל מה שכ' רשד"ל בכ"ח שם בסוף הענין שמה שלא הטעימו: ויאמר אליו אברהם ויאמר הנני, הוא בסבת קצר המלים: „ויאמר הנני", ורמז לעין בס' תו"א צד 70. במח"כ טעה, שכן הכלל ההוא עוסק בשלש מלים שהן משפט אחד, ולא בשני משפטים, שאז ודאי יופסק הראשון בזקף למרות קצר המלים האחרונות, וכן התנה ב"ז בתל"ע סי' שפ"ט (3): „אם המלה הסמוכה לאס"ף מלה מחוברת, ובמלה שלפניה אין בה העמדה והפסק". אך נ"ל שבעה"ט לא ראה להטעים זקף לפני „ויאמר הנני", כדי להרהיט הענין לשל אחריו בפסוק ג' שהוא תכן האמירה באמת, וכן משה משה ויאמר הנני (שמות ג, ד'). משא"כ בפסוק י"א (להלן) הקריאה בלבד כוללת הבהלה פתאומית לעכוב דחקני, ונופל עליה „ויאמר".

כה כ) בקחתו את־רבקה בת־בתואל הארמי – ההטעמה מלמדת שאין „מפדן ארם" תוספת באור למלת „הארמי", שא"כ היה מוטעם „בקחתו את־רבקה בת־בתואל הארמי", אלא שב על „בקחתו"=בשעה שלקחה מפדן ארם. והיה ראוי הכתוב להזכיר „מפדן ארם" אחר „לבן הארמי", אלא שבחר להציג את לבן לבד, כדי לעורר עליו את הקורא, לפי שיש בו חפץ לספורים הבאים, ובהתאם לזה הטעים בעה"ט „ארם" באתנח, ולולי כן היה ראוי להטעים: ויהי יצחק בן־ארבעים שנה בקחתו את־רבקה בת־בתואל הארמי מפדן ארם.

כו יג) עד כי־גדל – כן הטעים הרוו"ה, ונמוקו. שכן כל „עד כי" שלפני פעל הרהוט לאחריו. לעולם „עד" נפרד מן הפעל בטעם כמו להלן מא, מ"ט, מט, י' ש"ב כג, י'. ונסתיע מכ"י נ"ד.

כז ו) אמרה – במתג ולא במונח. כן הטעים הרוו"ה ע"פ כ"י נ"ד. ונמקה, שלעולם לא יבוא מונח במקום מתג בתנועה הראשונה של מלה. וכן נשמר בהוצאה זו בכ"מ, מלבד ביוצא מן הכלל ע"פ המס'. לז) ולכה אפוא – לפי הנתוח היר"ל: ולכה אפוא. ונ"ל בכונת המטעים, שמלת „ולכה" היא צווי מארך מן הפעל „ילך" (=הלך), כמדבר אל לבו (השוה קהלת ב, א'): (נעשה ואין להשיב) ועתה בן אדם לך (והתחכם).

כח ט) מחלת – המ' בקמץ בס"מ (מ"ש).

כט כח) לו לאשה – מלת „לו" נמצאת בכל הספרים שבידינו היום, ואין לעורר חשד עליה.

ל יא) בגד – הג' רפה, שכן לא נמנתה במס' בין בגד כפת דגושות בלא מבטל. טז) יעקב מן – השמטתי את הפסיק ונקדתי את המ' במתג ע"פ המס' שנתפרשה יפה בס' משה"ט יז, ע"ב. לז) בהן – כצ"ל בצירי ע"פ המס' מערכת הן, ורבנו הגר"א ז"ל הביא מס' זו בפירושו הדקדוקי בתחלת בראשית.

לב יא) כי במקלי – הן אמנם לפי שיטת הקדמונים בן בלעם, ר"מ הנקדן והמאספים הרז"ה וב"ז, הב' דגושה, ואולם גדולי האחרונים לא הדגישו ב' שואית אלא לפני ב' ופ' בלבד, והם בעל מנחת כליל בכללי הדקדוק שבכוף במדבר, ובעל מ"ש בכ"מ, והגר"א ז"ל (משנת הגר"א, שער הדגש), ורשד"ל (אגרות שד"ל ח"א XV), וכן ברוב ס"מ, ובלטריס כן מתהלים והלאה. לג) לא־יאכלו – במקף בכל ס"מ.

לד לא) הכזונה – במתג בס"מ.

לה כב) וילך ראובן וכו' – הרה"ג ר"י עמדין ז"ל בס' לוח ארש סי' תפ"ב תקן בטעם השני המנוגן בצבור: ראובן ברביע. ויפה דקדק, שלפי הנתוח מלת ראובן דורשת מפסיק פחות ממלת אביו, וכמו שאנו קוראים בטעם הראשון, משא"כ הזקף שהוא גדול מזקף הבא אחריו, כדין הטעמים הנשנים. ואולם מחצי הפסוק שלפני זה העלים הג' עין, ויותר ממנו דקדק רשד"ל בפירושו, וז"ל: הטעמים המחברים „וישמע ישראל" עם „ויהיו בני יעקב" לפסוק אחד, אין ספק שהם מוטעים, כי לפיהם תהיה מלת „אביו" מופסקת פחות ממלות „בארץ ההיא" ואין ספק כי מלת „אביו" צריכה למפסיק יותר ממלת „ההיא" וכו', ונראה ברור שבעלי הטעמים עשו אותו שני פסוקים, והאחרונים רצו לעשותם פסוק אחד, ולא ידעו להציב טעמיו כהוגן, ואם באת לתקנם, כך תקנם: ויהי בשכן ישראל בארץ ההוא וילך ראובן וישכב את־בלהה פילגש אביו וישמע ישראל, עכ"ל. והנה הכל עולה יפה. אך בקביעת התל"ק על „ויהי", איני מודה לו, כי אמנם ראוי להיות בתל"ג באשר היא מופסקת בענין יותר ממלת ישראל (ר' תו"א צד 61). ות"ל תקנתי הכל בהוצאה זו.

לז כח) וימשכו – הטעם על הכ', לפי שהוא קדמא ולא פשטא, שהרי דרך הטעמים לחבר שני פעלים הנעשים כאחד ואפי' אין קשורם עם הענין עולה בשוה, כמו להלן מב, ל"ג (עי' שם רשד"ל), מה, י"ז, ומכ"ש בזה שקשורם עולה בשוה. וכן הוא בכמה ס"מ.

לח טז) הבה – במהפך (רוו"ה ע"פ מס"ר וכ"י נ"ד). וכן בשד"ל וב"ב.

מ ג) במשמר – רשל"ג בבאורו כתב: „לפי הטעם המפסיק רביע צריך לנקד: במשמר, והוא מופסק". והנה נראה בזה אי־ידיעתו בקביעת הטעמים, שהרי הרביע ראוי כאן בכל אפן (ר' רש"י לשה"ש ח, ו'), ויותר ממנו דקדק רשד"ל בכתבו: „לפי הנקוד הוא סמוך, והדבר קשה מאד שתהיה מלה סמוכה בטעם מפסיק, ושלפניה במפסיק פחות ממנו", ור"ל שהיה ראוי להטעים: „ויתן אתם במשמר". ולכן החליטו שניהם שהנקוד משובש, והראוי: „במשמר". ואולם המ' פתוחה ע"פ המס', וכ"ה בכל הספרים. ונ"ל בהבנת המטעים, שפרעה נתנם אל בית הסהר תחת יד בית שר הטבחים, שהוא ופקידי ביתו נעשו אחראים לשמירתם, והבן. טז) כי – כן בשד"ל, ב"ב, ש"ב וקיטל. כב) כאשר פתר – (רוו"ה בשם כ"י נ"ד), וכן בכמה כ"י.

מא כו) חלום אחד – (רשד"ל בכ"ח שם ע"פ כמה כ"י וד"י). וכן בב"ב ובש"כ. ל) שבע – בקדמא ולא במונח אף שהוא באות הראשונה, ונ"ל בסבת השנוי לפי שמלת וקמו שלפניה מוטעמת מלעיל, והברתה האחרונה נמשכת למטה (מושבע), ע"כ נדונה כמוטעמת באמצע המלה, משא"כ ואפו עשר (ויקרא כו, כ"ו), שהתל"ג מוטעמת מלרע. מה) פרעה – במרכא. והוא חד מן י"ח מאיילין מאריכין ע"פ המס' (משה"ט י"ז).

מד כט) והורדתם – בדרגא (ר' משה"ט כ"ו), וכן בכל ס"מ.

מה ה) למחיה – המ' במתג כדין שרשי היה, חיה כשפ"הפעל בשוא. כב) שלש – במונח ולא במקף בס"מ. כח) רב – בז"ג (כ"ח מחברת ט' צד 4).

מו א) שבע – הש' דגושה מדין אתי מרחיק.

מט לא) קברו – הק' דגושה מדין אתי מרחיק בעלילת מתג, כמו אשירה לה' (שמות טו, א'), ואשיבה שפטיך (ישעיה א, כ"ו). ואין אתי מרחיק כזה נוהג בבגד כפת (עי' הקדמת דעליטש על משלי הוצאת באער), כי אם בג' מקומות, והם וישימה תל־עולם (יהושע ח, כ"ח), תלבשן בנות־המלך (ש"ב יג, י"ח). מי־כמכה באלם (שמות טו, י"א). שבב' הראשונים המתג במקום נגינה, והג' נמנה במס' בין הדגושים בלא מבטל (ב"וד בהקדמתם למשלי). ואני מצאתי לאלה עוד חבר: אחיך בית־אביך (דה"ב כא, י"ג).

# ויקרא

**ד** י) יורם — העירותי „קמץ בז״ק". לה) יוסר חלב־ — במרכא ומקף ע״פ המס׳ (ר׳ משה״ט דף יז, ע״ב). וכן בשד״ל ובקיטל.

**ז** לו) אשר — בתל״ק. כן בב״ב וכן ברוב הס׳. וכן נכון ע״פ הנתוח.

**יא** לב) שק — העירותי „קמץ בז״ק". לה) יתץ — העירותי „קמץ בטרחא".

**יג** כד) מחית — במתג כדין בשרש זה. וכ״ה בקיטל. מט) אדמדם — העירותי „קמץ ברביע".

**טז** ב) ואל יבא בכל עת וכו׳ — כבר העיר רשד״ל ז״ל על זרות הטעמים, שהרי היה ראוי להטעים: ואל־יבא בכל־עת אל־הקדש מבית לפרכת אל־פני הכפרת אשר על־הארן ולא ימות, ותירץ בב׳ אפנים, ושניהם אינם נכונים בעיני. ונ״ל בסברת המטעים, שהאמרה: „ואל יבא וכו׳ לפרכת" מוסגרת. וגם הבין „אל פני הכפרת"=בקדש מחוץ לפרכת, במקום שבליטת ראשי הבדים נכרת מבעד לה: שם תעמוד עמו ותמסור לו את דברי שאתה שומעם מעל הכפרת. הטעמת הסגול מלמדת כאן על ההסגר (השוה: דברים ג, י״ט).

**יט** ד) אל־האלילם — במונח וזקף (ר׳ שמות א, ט״ז). וכן בשד״ל, ש״ב וקיטל.

**כ** ג) ואני — כן ברוב הספרים. ורוו״ה ורשד״ל הטעימו ברביע. ורשד״ל נמקה כאן ולהלן כו, מ״א (בכ״ח ט׳ צד 5) ממה שהמאמר עד הזקף בלתי מתפרד לחלקים, וכח מלת „ואני" מתפשט על כלו. ונ״ל בדיוק הנתוח שאינו כן, אלא עיקר התפשטותו מגיע עד הפשטא, שהוא כלל נושא ונשוא ומשלים. והשוה הטעמת פסוק ה׳. ולהלן כו, מ״א הדפיס רשד״ל בעצמו: „אף־אני" בגרשים. יג) יומתו — העירותי „קמץ בטרחא". יז) או — במונח. כן בשד״ל, ב״ב וקיטל.

**כג** לב) בתשעה לחדש בערב — כ׳ רשד״ל: „שעורו: בתשעה לחדש בערב יהיה לכם שבתון. והוסיף פירוש ואמר: מערב וכו׳ שבתכם, כ״ה לפי הטעמים, ואם היתה מלת „הערב" ברביע, היה יותר נכון וכו׳, וכך היה פירושו: בתשעה לחדש בערב (כלומר מערב עד ערב) תשבתו שבתכם". והנה מה שכתב, שהיה ראוי להטעים „הערב" ברביע, ר״ל: בתשעה לחדש בערב מערב, וא״א באפן אחר. אך הנתוח לא היה עולה יפה, כי איך יהיה „מערב עד ערב", שהוא המשך הזמן, באור על „בערב" שאינו אלא התחלתו, וע״כ אי אפשר בזה הטעמה אחרת מזו שלפנינו, והשלמת „בערב" היא שבתון וענוי נפש הנזכרים.

**כה** ז) ולבהמתך — וכן: לז) את־כספך — במתג וז״ק לבד (מ״ש לבן אשר). מו) ובאחיכם — העירותי „ב׳ טעמים", והוא חד מן ו׳ שנמסרו במס׳.

**כז** י) לא יחליפנו — כן בכל ס״מ ברביע ולא בזקף, ולפי״ז שעורו: „לא יחליפנו אורע בטוב", או=אפילו (ר׳ תל״ע שנ״ט), ובאמצע מוסגר: ולא ימיר וכו׳=כדי שלא יבוא להמירו ברע.

# במדבר

**ה** יח) כא) וכן ו, כ) הכהן — במרכא (משה״ט דף ט״ז וי״ז).

**ז** לו) מא); י, יט) צורישדי —, וכן עא); י, כה) עמישדי — כלם במתג ולא במרכא בס״מ. המרכא נשתרבב בקצת ספרים מתוך נוסח המחלק את השמות האלה לשתי מלים, מה שהוא נגד המס׳. ז, עח) שנים — (מ״ש) וכן ברוב ס״מ.

**י** י) שמחתכם — במרכא ע״פ המס׳ (משה״ט יז׳ ע״ב). טו) ועל־צבא — הנחתיו בז״ג כמו שהוא בלטרים אע״פ שהוא נגד רוב הס׳ לפי שהוא כן ע״פ המס׳ (ור׳ מסרת הקריאה).

**יא** יח) תאמר — ברביע שהוא מפסיק גדול מן הזרקא, וכן במק״ג ובשד״ל.

**יג** לא) אשר — בקדמא. כן במק״ג ובשד״ל.

**יד** לג) יהיו — הטעם על הי׳ לפי שהוא קדמא. לד) הארץ — בלי מתג, לפי שהיא מלעיל.

**טו** כה) שגגתם — בלי מתג בס״מ.

**כא** כג) את־ישראל — במתג (ר׳ משה״ט יז׳ ע״ב). כד) עז — בפתח, וכ״ה בכל ס״מ. וכבר העיר בעל מסרת הקריאה שהמס״ק בבראשית מט, ז׳ משובשת, וצ״ל עז ב׳ זקף וחד קמץ, והנה הראשון בקמץ וזה בפתח.

**כב** כ) אלהים ׀ — במרכא (משה״ט טו׳ ע״ב).

**כג** יח) ושמע — הש׳ בחט״פ (ר׳ מ״ש).

**כה** ג) ויחר־אף — במרכא. כן במק״ג ובשד״ל ובש״ב ובקיטל, ונכון. יח) המכה — יפה הטעים לטרים בתביר, שכן נמס׳ במס׳ „ב׳ בקמץ ובתביר ובענין". וא״כ ב־ביום צריכה להיות דגושה. והנה הטעמת תביר כאן הוא בהתאם למה שמצאתי עם ההתבוננות בכמה מקומות, שבשתי מלים המחוברות בענין הראויות למרכא וטפחא, אם אחת מהן כבירה, ר״ל בת ארבע תנועות ויותר (ושוא נע כתנועה), משתנה המרכא לתביר, וכמובן גורם שנוי בטעמים שלפניו, כמו: בהיטיבו את־הנרות (שמות ל, ז׳), בגד־כליל תכלת (במדבר ד, ו׳), מחרצנים ועד־זג (ו, ד׳), אשר סביבתיהם (טז, ל״ד), ועצמתיהם יגרם (כד, ח׳), הנועדים על־ה׳ (כז, ג׳), את־מוצאיהם למסעיהם (לג, ב׳), מנחלת אחזתם (לה, ב׳), ימית את־הרצח (לה, כ״א). ואפשר שהוא כלל קבוע, וצ״ע לפי שלא קדמני אדם בו. על־דבר (השני) — במרכא. כן במק״ג ובב״ב.

**כו** מ) לנעמן — כצ״ל ולא בז״ג, שכן נמסר במס׳ בפסוק מ״ה: „כל אל בז״ק ושארא בז״ג, בר מן א׳ לנעמן". והנ׳ במתג ולא במונח, כי לולא החטף, לא היה כאן מקום למתג (ר׳ הערתי לשמות א, ט״ז). נד) ולמעט — בלי מתג (ר׳ מ״ש במדבר לג, נ״ד; לה, ח׳; ודברים ז, ז׳). וכן במק״ג, בשד״ל ובב״ב. נט) ואת מרים — כן בס״מ.

**כט** ג) ומנחתם — רשד״ל הביא מתנ״ך כ״י משנת ק״ז, שכל „ומנחתם" שבפרשה מוטעמים בו במרכא, וכ׳ ע״ז: „ואולי כן נכון, כמו: ונסכו יין רביעת ההין". ואולם המתבונן יראה שיש הבדל ביניהם, כי המדה תפול על הנסך מאיזה משקה שהוא, ולא תפול הבלילה על המנחה, כי אם על הסלת, בין שהיא כתובה בין שהיא בכח, והבן.

**ל** ג) השבע — העירותי „מלעיל", לפי שהמלה מלעיל ע״פ המס׳ ונגד הדקדוק. ובקצור מסרה שבמק״ג הוסיף המסדר „כי הוא מקור מנפעל", והוא טעם תפל. ח) וקמו נדריה — ברביע בכל ההוצאות, ובלטרים זקף לפי שנגרר אחר רשד״ל (בכ״ח מחברת ט׳ דף 6) שהכריח כן מסברה ע״פ הנתוח, והודה שלא מצא כן בשום ספר, ובבאורו שכתב אח״כ, הביא שמצא כן בחומש יוסטיניאן, ובכ״ז לא מצא את לבו להדפיס כן בחומש שלו, לפי שהוא מסרה מפורשת „דחסר כל רביע, דנסיב כל זקף". ונ״ל שבעה״ט הבין „וקמו" תוצאת התנאי, „יקמו" תשובת התנאי, והשעור: שאם יחריש לה אישה ביום ההוא, ונמצאו נדריה ואסריה עודים קימים עליה בלי הפרה, אז קום יקומו, ולא יופרו עוד. פעלי „קום" הכפולים בזה שונים אפוא בהוראותיהם, הראשון ענינו קיום זמני, ר״ל שלילת הפרה בלבד, והשני ענינו קיום מוחלט, ר״ל אי־אפשרות ההפרה. וכן „והקים . . . הקים" (בפסוק ט״ו). דוגמה להוראה הראשונה „והקימו את המשכן" (במדבר י, כ״א)=יניחוהו מוקם (לפי אבן כספי שם). אודות הכפלת מלה בהוראות שונות ר׳ ראב״ע לבראשית ג, א׳.

לא טז) על־דבר – כן במק"ג ובשד"ל.

לב כט) אם־יעברו – במונח בס"מ.

לד כ) ולמטה בני שמעון – כן מוטעם במק"ג ובשד"ל. ובכמה ספרים ועמהם לטריס מוטעם: ולמטה בני שמעון. ובעל מסורת הקריאה החליט להוכיח כן מן המס', וז"ל: למטה בנימן, נמסר עליו „ג' זקפין בענין, יב"י סימן (יהודה בנימן יוסף. הערת בעל מסה"ק), וחד ולמטה בני שמעון (ר"ל שהוא ג"כ בזקף. הערת בעל מסה"ק), ושארא במרכא טפחא". ואיני מהסס לומר שטעה בכונת המס', שא"כ הי"ל למסור „ד' זקפין בענין, ישבי סימן". ועוד שבלשון המס' „וחד" ר"ל שאחד יוצא מן הכלל, כידוע.

לו ט) בנחלתו – כן במק"ג ובשד"ל ובכמה ס"מ. ונכון.

# דברים

ב י יא) כענקים – הכ' בפתח ע"פ המס'.

ג כג) ואתחנן – הנ' בפתח ע"פ המס'.

ד ב) על־הדבר – הטעם על הר', לפי שהוא פשטא. כה) ה"י – המתג תחת הה' הראשונה (כנ"ל שמות ג, כ"א). מ) ולמען וכו' – כתב רשד"ל: „לפי דעתי כך היה ראוי להטעים: ולמען תאריך ימים על־האדמה, ויהיה „כל הימים" חוזר אל „תאריך ימים". – ואולם יפה ממנו הבין המטעים ולפניו המנקד (שלא נקד: „לך"), כי אמנם „נתן לך" נופל גם על הבטחת הנתינה, והנה הסגנון עולה יפה, אבל איזה סגנון הוא „תאריך ימים כל הימים"?

ה ו) אנכי וכו' – ר' הערתי לשמות כ, ב'. ז) לא־יהיה־לך – הוספתי מקף אחר „יהיה" כראוי לפי הטעם העליון, וקו הרפה על ל־„לך" כראוי לפי הטעם התחתון. ח) ואשר במים – המונח תחת הש' בקצת ספרים שבוש, כי אין מונח בא לפני לגרמיה, והמרכא מתאים לשתי השיטות. י) ועשה – הקדמתי את המרכא למהפך, וכן בכל הפרשה הקדמתי את הטעם התחתון לעליון כשנפגשו יחד. יד) ובנך־ובתך ועבדך־ואמתך – הקפתין שתים שתים כפי המ"ש ורוב הספרים המדויקים. והנה במק"ג ובשד"ל ובש"ב ובב"ב מוטעם בטעם התחתון: אתה | ובנך־ובתך ועבדך־ואמתך ושורך וחמרך וכל־בהמתך, וכן נראה מספר מסרת הקריאה, ואני לא השגחתי על כלם ונטיתי אחר הספרים המטעימים את המלים האלה בטעם אחד לשתי השיטות בהתאם עם חקי ההטעמה ונתוח המשפט, שהרי א"א לעולם שיבואו לגרמיה ורביע תכופים לפזר (ר' תו"א 61). ומלת „בשעריך" דורשת מפסיק גדול ממלת „בהמתך" כמובן, וכל זה יתקלקל עפי' הטעמתם. ונראה לי שאין זו אלא ערבוב ושרבוב מן הדברות הראשונות. וההטעמה שקבעתי בפנים נמצאת כן בלטריס ובקיטל ובתנ"ך מדויק הוצאת פראפעסאר ליפסיענזים. כד) ושמע – הש' בח"פ (מ"ש במד' כג, י"ח).

ז ה) כי – במונח. שהרי נמסר (בראשית טו, ד') „כי אם ג' מוקפים", וזה אינו מהם. וכן במק"ג, בשד"ל ובש"ב.

ח טז) המאכלך – העירותי „ב' טעמים" (ר' משה"ט דף כ"ה).

ט ג) הוא־העבר – במקף. כן במק"ג, בשד"ל, בש"ב ובב"ב. ד) אתם | – במרכא (משה"ט דף יז ע"ב). כח) הארץ – בלי מתג, לפי שהטעם מלעיל.

י ט) על־כן – בגרשים (ר' הערתי לבראשית יא, ט'). י) הראשנים – במונח בס"מ.

יג ה) תשמעו – השמטתי את ההערה „קמץ בז"ק". שהרי כן כל הפעלים שבפסוק באו בתנועת הפסק ולא יצא זה מכללם. יז) ושרפת באש – כן ברוב הס', ולא בקדמא ואזלא. ונראה שהבין בעה"ט מלת המצב „כליל" בתור חזוק למלת „כל".

טו יא) לעניך – הל' דגושה מדין אתי מרחיק על מתג.

יט י) דם נקי – לפי הרוו"ה זה ושל כו, כ"ה צריכים להיות דם בקמץ, לפי שאינם נסמכים אלא מתוארים, אך זה נגד כל הס"הם, וגם אפשר מאד שהם נסמכים.

כב כד) אתם – במרכא (משה"ט דף יח ע"א).

כד כ) תפאר – הפ' בפתח בס"מ.

כח סח) ה' | – במרכא לפני הפסיק (משה"ט דף י"ז).

כט כז) אחרת – הא' בפתח ולא בחט"פ, לפי שהטעם תכוף לה.

לב ו) הל' – נקדתי הל' והי' שתיהן בשואין ע"פ המ"ש בשם הרד"ק ז"ל, וקריאת המלה: הל־אדני, אע"פ שבכתיב הה' תיבה בפ"ע (אגב: פשוט בעיני, שיפה הבין בעל א"ת בדעת הרד"ק לקרוא את הא' בחט"פ כדינה לעולם, ולחנם השיגו המ"ש, ונגרר אחריו בעל מסרת הקריאה). והנה נשתנה הנקוד ממנהגו, שהיה ראוי להיות: הל', ונמצא דוגמתו: ולאחתו (במדבר ו, ז'), ת' ול'. והנקוד המשובש שבספרים הביא את הרוו"ה ז"ל לידי הנחה מוזרה ומתמיהה מאד, לקרוא: ה־לדני (חומש שלו דפוס רעדעלהיים תרך). כו) מאנוש – המ' דגושה מדין אתי מרחיק על מתג.

לג כא) ויתא – ארבעה חלופים בנקוד ובטעם מביא בעל מ"ש במלה זו: א' ויתא, ב' ויתא, ג' ויתא, ד' ויתא. והנה הב' כפי שהוכיח המ"ש מן החלופים ומן הרד"ק הוא לבן נפתלי שאין הלכה כמותו, והשאר כלם מסופקים בדעת בן אשר. הג' נמצא ברוב ספרי הדפוס, ובדקדוקה יהיה קל משרש יתא (=אתא) ע"מ ויצא ע"ד זר (כי העתיד המקוצר ברוהפוך מן יאתה (=יאתה) ע"מ תאתה (מיכה ד, ח') ראוי להיות ויאת, שממנו בהפסק: ויאת (ישעיה מא, כ"ה)), והיתה ראויה להיות מלרע, וכן הטעימה באמת בן נפתלי. ולעמת זה הא' והד' שניהם דקדוקם נכון מכל צד, אם נניח ששרש המלה „תאה". לפי הא' היא הפעיל ע"מ ויפן (שופטים טו, ד') ולפי הד' היא קל ע"מ וידא (תהלים יח, י"א). ובחרתי בד' כדי למעט בשנוי הנקוד. וכן מנוקד ומוטעם במק"ג.

לד ח) ויתמו – במתג ולא בקדמא. כן במק"ג, בשד"ל, בב"ב ובקיטל.

# יהושע

א ה) ולא אעזבך – „ולא" במרכא. כ"ה ברוב הספרים. ו) ואמץ – בקמץ, ושבוש במס' (מ"ש ורוו"ה). ז) ככל־התורה – ברביע. כן נמצא בכמה כ"י, ונכון.

ב יג) אחותי – כונת הכתיב אחותי כמו שהוא ביחזקאל (טז, נ"ה) ואחותיך. והקרי בזה „אחיותי" בתוספת י' לפני הו', וע"כ נקדתי את החולם לימין הו', וכמו שהוא במק"ג. טו) ובחומה – מלא ע"פ המס' דשמות יד, כ"ט.

ג יב) שני – כן במק"ג ובב"ב ובכמה ס"מ.

ד יח) כתמול – מלא (ר' מ"ש).

ה ה) מלים – הל' רפה, לפי שהקבוץ אינו אלא שורק חסר.

ו ג) הקיף – העירותי „יתיר י". ו) ישאו – הטעם על הו' לפי שהוא פשטא, וכ"ה בכל כ"י וד"י.

י ג) אל־הוהם מלך־חברון – כצ"ל. ושבוש גדול נפל בלטריס ובכמה הוצאות אחרות שהוטעם בהן „אל־הוהם מלך־חברון",

שהרי אי אפשר לעולם טפחא תכוף לרביע (משה"ט דף ל"ד ע"ב). ונראה שיש כאן ערבוב שתי נוסחאות: נוסח כזה שתקנתי, ונוסח אחר: מֶלֶךְ ירושָׁלַ֫ם, שעל פיו היתה דעת המטעים להפריד מלך חברון מכלם ולעשותו עיקר. ודוגמה לערבוב כזה מצאתי בב"ב, בעשרת הדברות הראשונות והשניות למערבאי, מוטעם: אֲשֶׁר הוצאתיךָ מֵאֶרֶץ מצרים מִבֵּית עבָדִים (?). ולפי שלא מצאתי בשום הוצאה „מֶלֶךְ ירושָׁלַ֫ם", ואין סברה להפסיק במלך חברון כ"כ ולהפרידו מחבריו, וגם הפרדתו מופרכת מהטעמת פסוק כ"ג, ונגד זה מצאתי „אֱל־הוֹהָם מֶלֶךְ־חֶ֫ברון" בקיטל ובב"ב, ובלי שום ציטט של הטעמה אחרת, ע"כ הטעמתי כן. ה) מֶלֶךְ ירושלם – במונח ת' קדמא באות הראשונה, וכן בב"ב ובקיטל. ח) בידךָ – אין כאן כתיב וקרי בעדות מ"ש.

יא יב) המלכים־האלה – במקף והמתג בל' (מ"ש ע"פ בן אשר, ורוו"ה במשה"ט דף ג'). כ) כִּי מֵאֵת – כן ברוב הס'.

יב ה) גְבוּל סִיחוֹן מֶלֶךְ־חֶשְׁבּוֹן – כן במק"ג, בב"ב ובקיטל. ז) העולה – מלא ע"פ מס' דספרא יא, י"ז, ודש"א יז, כ"ג, ודאיוב לו, ל"ג. וכן בב"וד. כא) תַעְנַךְ – בשוא פשוט ובלי מתג, וכן בכ"מ ע"פ מ"ש.

יג טו) למשפחתם – חסר לפי המס' שהביא המ"ש בבמדבר ה, ל"ה בשם הרמ"ה והסכים עמו, ע"ש. וכ"ה ברוב הס' כ"י.

טו יח) בבואה – ברוב ס"מ אין כאן פסיק, וכחברו (בשופטים א'). וכן במק"ג, בב"ב ובקיטל. סג) בִּירוּשָׁלַ֫ם – כן מוטעם ברוב ס"מ.

יז ב) לִבְנֵי מנשה – במרכא (משה"ט דף י"ז).

יח יג) בֵּית־אֵל – במקף (ולא במונח), שכן אינו מן ג' המוטעמים מונח ע"פ המס'. וכן בקיטל.

יט ה) וצִקלג – המתג הנמצא בקצת ספרים בעדות המ"ש נכון הוא בראית צִקְלַג במונח וזקף (ש"א ל, א'). יד) מִצָּפוֹן – כן בקיטל וכן ברוב כ"י. מא) ואשתאל – למעלה טו. ל"ג נמסר במס"ג: „אשתאול ג' מלאים. וסי' בשפלה אשתאול וצרעה (שם), וירדו אחיו וכו'. ותחל רוח ה' לפעמו וכו'. ונמצא זה חסר. ובמס"ק שבוש.

כא ב) בְּיַד־משה – כצ"ל רפה. טו) ואת דבר – כצ"ל ע"פ מס' דספרא (פסוק ג') וכן בכל הס', אבל ר' באו"א רצ"ו. יח) ארבע – בזה ובכל הבאים בס"פ כיו"ב, העירותי „בס"א הב' בקמץ", כי היא מחלוקת בספרים, ואין להכריע.

כב ו) וַיְשַׁלְּחֵם –, וכן: כא) וַיְדַבְּרוּ – במתג חקף בכל ס"מ. יא) הִנֵּה – כן ברוב ס"מ. כט) לָנוּ – הל' דגושה מדין אתי מרחיק. כן בקיטל ובב"ב וכן ברוב כ"י.

כג ז) בוא – מלא בכל הספרים בהתאם למס' שבדפוס ביחזקאל ל"ג, ונגד המס' כ"י שהביא פ"ד (ר' מ"ש שמות יז. י"ב). טז) את־ברית ה' – במרכא (משה"ט דף י"ז). וכן בקיטל.

כד ג) (ואולך) אתו – חסר, שכן לא נמנה בין המלאים, וכן בב"ב. יד) (ועבדו) אתו – חסר בכל הספרים, ושבוש במס', שבמקום: „ועבדו אותו", צ"ל: ועבר אותו (טז, ו'). טו) בחרו – בקדמא. כן בקיטל ובב"ב וכן ברוב כ"י. יז) האתות – כן ברוב הספרים בעדות המ"ש. יח) יֹשֵׁב – חסר ע"פ המס', כפי שנתקנה ע"י הח' פ"ד. לג) ויקברו אתו – חסר בכל הספרים כלם, ולא נמנה במס'.

# שופטים

א א) מִי – כן מוטעם ברוב כ"י וכן בקיטל, ויגיד עליו רעו (דברים ל, י"ב). ו) וַיְקַצְּצוּ – במתג חקף בס"מ. כז) תַעְנַךְ – הע' בשוא פשוט (כנ"ל יהושע יב, כ"א).

ב א) אל־הארץ – ברביע במקצת כ"י וכן מוכרח עפ"י הנתוח. וכ"ה בקיטל. כב) ללכת בם – זה אחד מן „ג' סבירין בה" שנמסרו במס', ועי' מ"ש.

ג א) אֲשֶׁר הִנִּיחַ – כן ברוב כ"י וכן בקיטל.

ד יא) נִפְרָד – מאחר שהספרים מחולקים וגם המסרות מחולקות (ר' מ"ש) חשבתי למשפט לנקד בפנים בפתח כדין בעבר, ולהעיר על הנוסח בקמץ. כא) נִרְדָּם – העירותי על נוסח נִרְדָּם (ר' מ"ש).

ה כט) תעניה – כצ"ל מלא (ר' מ"ש). ל) רַחֲמָתַיִם – בפתח הת' בכל ס"מ.

ו ט) וָאֲגָרֵשׁ – כצ"ל הו' בקמץ. וכ"ה בקיטל ובב"ב וכן ברוב כ"י. יג) בְּכַף־מִדְיָן – במקף בס"מ (ר' משה"ט דף ס"ה). טז) אֶהְיֶה – הא' במתג בס"מ (נגד המ"ש). כז) ויקח גדעון – כן מוטעם בב"ב ובקיטל. וכן מסתבר לפי הנתוח.

ז ו) בִּרְכֵיהֶם – הכ' רפה ע"פ המס', והעירותי עליה. יד) וַיַּעַן רֵעֵהוּ וַיֹּאמַר – כן מוטעם בכל ס"מ, ונוסחת לטרים לא מצאתי. יט) גִּדְעוֹן – בתל"ג בס"מ. כ) הָרָאשִׁים – במרכא בס"מ (ר' משה"ט דף י"ז). מ) וַיִּקָּרְאוּ – במתג ח"ק במק"ג, בב"ב ובקיטל. חֶרֶב לַה' – כן בס"מ.

ח כ) ולא־שלף הנער חרבו – כן מוטעם במק"ג, בב"ב ובקיטל, וכן נכון. „כי עודנו נער" משמש טעם גם למניעת שליפת החרב ולא ליראתו בלבד. כא) ויאמר – זה אחד מי"ב „סבירין ויאמרו", שנמסרו במס' (ר' מ"ש סוף מטות). כג) אלהם – כצ"ל חסר. בסימן יח, ד' נמנו זה ושלאחריו בין „ו' חסרים בספרא".

ט כט) רַבָּה – העירותי עליו, לפי שהוא נגד הדקדוק (ר' רד"ק). לו) הנה־עָם – כצ"ל במונח ולא בפשטא. לז) יורדים – כצ"ל מלא. ומס' עליו „ב' מלא", וחברו בש"א ט, כ"ז (ור' מ"ש). לח) אפוא – במסרה לפ' וישב נמס' „איפה י' כ"כ, וד' כתיבין אפו", ובמקומות אחרים במס' נמצא „ושארא אפוא". אבל „איפוא" בי' אחר הא' לא נזכר במס'. ואין לחוש לפירשט המביא בלקסיקון שלו את זה ושל משלי ו' בתור מלאים י'. מה) העירותי על נוסח „נִלְחָם" (ר' מ"ש).

י ז) ביד־פלשתים – במקף. כן במק"ג, בב"ב ובקיטל, וכן נכון (ר' משה"ט דף ס"ה). והנה הרוו"ה ז"ל עשהו כלל שכל „בְּיַד" מוקף, אבל התנה שזה נאמר רק כשלא יפול בו טעם מלך מדין שכונת הטעמים, כמו בְּיַד יַעֲקֹב בנה, ביד רעהו העדלמי. וכשדקדקתי בזה מצאתי עוד גורמים אחרים לבטול המקף, והם: א) כשהסומך מלה כבירה, ר"ל בת ג' הברות, כמו: ביד איתמר, ביד ישראל, ב) לפני ההידיעה, כמו: ביד המלך (ש"א כג, כ'), ג) בחשש הבלעה, כמו ביד סיסרא (ש"א יב, ט'), ד) בטעם סגול, כמו: בְּיַד יוֹסֵף. טו) כְּכָל־הַטּוֹב – כצ"ל, ונמס' עליו „ב' כתיבין כן", וחברו בש"א יא, י'. וכן במק"ג, בב"ב ובקיטל.

יא טו) ויאמר – העירותי „סבירין ויאמרו", והוא אחד מן הי"ב שנמסרו במסרה (עי' מ"ש סוף מטות). כה) הרוב – מלא ע"פ המס' דכאן ודאיוב יא, ב'. לא) עלה – כצ"ל חסר. למעלה ו, כ"ו נמסר „לית מלא". לג) באך – חסר ו' ע"פ המס' דש"א טו, ז'. וכ"ה בכמה כ"י. לה) בִּתִּי – הב' צ"ל דגושה, ומה שנמצאה בלטריס ובכמה הוצאות אחרות רפה, נ"ל שנשתרבב מן הספרים המנסחים „אֲהָהּ" בלי מפיק ובטלים במעוטם. לו) אָבִי פָּצִיתָה – הטעם על הי', לפי שהוא ודאי פשטא לפי הנתוח, וממילא הפ' דגושה. וכן בב"ב ובקיטל.

יב ב) ואזעק – העירותי על נוסח „ואצעק" ע"פ המ"ש. ה) ויאמרו לא – בפסיק. כן בכמה ס' כ"י, וכן בקיטל, ונכון.

יג ח) היולד – בזה ובדומים לו שהדגש כדין והשורק שלא כדין העירותי „שורק ת' קבוץ" או „שורק עם הדגש". יב) יבא – העירותי „סבירין יבאו" ע"פ המס' דפ' שמיני. כה) אשתאול – כצ"ל מלא ע"פ המס' דיהושע ט"ו. וכ"ה במק"ג.

יד ג) ויאמר – העירותי „סבידין ויאמרו", והוא שנשמט במס' למעלה (יא, ט"ו) שמסרה „י"ב סבירין ויאמרו", ובפרטן לא חשב אלא י"א (ר' מ"ש). יד) וְלֹא – במרכא בכל ס"מ, וכצ"ל, שהרי זה לא נמנה במס"ג דפ' משפטים בין היוצאים. טו) אִישְׁךָ – ברביע. כן במק"ג ובתנ"ך ליפסיענזים, ובמקצת כ"י, והוא הנכון לפי הנתוח. יח) עַז – בפתח ע"פ המס' דבראשית מט, ז', וכן בכל ס"מ.

טו יד) זרועותיו – מלא דמלא ברוב כ"י וד"י (ר' מ"ש).

טז כא) בַּנְחֻשְׁתַּיִם – הב' במתג והנ' רפה (ר' מ"ש). כו) אֶל־הַנַּעַר – בקדמא ולא ברביע, וכן במק"ג, בב"ב ובקיטל.

יז י) וֶהְיֵה־לִי – הה' בשוא פשוט בס"מ.

יח א) בְּתוֹךְ־שִׁבְטֵי יִשְׂרָאֵל – כן מוטעם בב"ב ובקיטל, וכן ברוב כ"י. טז) מִבְּנֵי־דָן – במקף. כן ברוב כ"י. יט) ויאמרו לוֹ – הל' דגושה ע"פ מס' דניאל ה'. כ) הַכֹּהֵן – בזקף בס"מ, וכן נכון. כז) לָקְחוּ – הל' דגושה מדין אתי מרחיק על מתג.

יט ד) ויאכלו וישתו ויָלִינוּ – כן מוטעם בב"ב ובקיטל, וכן מסתבר, לפי שהלינה עיקר לחפץ הספור. ו) וְיִיטַב – מלא, שכן אינו מן „ג' חסרים י' בלישנא", שנמנו במסרה דמלכים ב' כ"ה (ור' מ"ש). יא) לְכָה־נָּא – כן בב"ב ובקיטל, ונכון. כה) וַיֵּצֵא – כצ"ל בצירי (מ"ש).

כז) הַסַּף – פתח בס"פ ע"פ המס' (ר' מ"ש). וכ"ה בקיטל. כט) וַיְשַׁלְּחֶהָ – במתג וז"ק לבד בס"מ.

כ ו) וָאֲנַתְּחֶהָ וָאֲשַׁלְּחֶהָ – הווין בקמץ ומוטעמים בז"ק לבד. כן בב"ב וכן ברוב הס' כ"י, וכן בקיטל. יג) בְּקוֹל אֲחֵיהֶם בְּנֵי – כן במק"ג ובתנ"ך ליפסיענזים ובב"ב וכן ברוב כ"י, אלא שבמק"ג „בני ישראל" מוקפים. כב) אֲשֶׁר־עָרְכוּ שָׁם – כן ברוב ס' כ"י וכן בקיטל. כה) לִקְרָאתָם | – בפסיק ע"פ רוב הס' כ"י, וכן בקיטל, וכן מסתבר משום חשש הבלעה, וממילא ראוי להיות במרכא כדין לפני פסיק (משה"ט דף י"ז), ואף זה כן בקיטל. לא) ויחלו – ההערה שע"ז בלטרים, נראה שנשתרבבה לכאן בטעות המסדר, ושיכת לאיוב כט, כ"א. לד) מנגד – ובס"א מנגב (ר' מ"ש). לה) וַיִּגֹּף יְהוָה | – במרכא לפני הפסיק (משה"ט דף י"ז). מג) הרדיפהו – העירותי „הד' רפה", לפי שכן מצאתיה בכל ההוצאות, אע"פ שהיתה ראויה להדגש. מד) אַנְשֵׁי־חָיִל – במקף ברוב ס"מ ועמהם ב"ב וקיטל.

כא ג) לָמָּה – ברביע. כן במק"ג, בב"ב ובקיטל ובליפסיענזים, ונכון. ח) מִי – ברביע. כן בב"ב ובקיטל, ונכון. יח) לֹא – במרכא. כן בב"ב ובקיטל וכן ברוב הס' כ"י. יט) אֲשֶׁר – כן בב"ב ובקיטל ונכון. לִמְסִלָּה – הל' בחירק ע"פ המס', שכן במערבת ובאו"א סי' כ"ז זה נמנה בין „א"ב מן חד חד מלרע", וכ"ה ברוב מכריע של כ"י, ונראה מזה שיש שבוש בחלופין (ר' מ"ש).

# שמואל א

א יא) וזכרתַּני – בנקוד הת' יש שני נוסחאות, והעירותי עליו. כב) והבאתיו – במס"ג פ' מקץ נמסר „ד' ב' מלא וב' חסר. וסי' אם לא (אביאנו) [הביאתיו] (בראשית מג, ט'), והביאתיו אל הארץ (במדבר יד, כ"ד), הבאתיו והצליח דרכו (ישעיה מח, ט"ו), והבאתיו ונראה וכו' (שמואל א א, כ"ב), ב' בתראי מלאים". ומאחר שהשנים שבתורה מלאים ב' יודין, וכל עיקר חסרונם הוא הו' שאחר החולם, ודאי שהשנים שבנביאים מלאי ו' ג"כ. כן הבינו בו"ד, וע"כ הדפיסו בשמואל ובישעיה „הביאותיו". וזה נגד כל הספרים כלם, שכן כלם מחסירים את הו' בשניהם. ובקובץ הנוסחאות מכמה כ"י וד"י, נמצא כמה בהם חסרי י', ואם נבוא חשבון ונסיר את המנסחים „והביאתיו", מה שהוא ודאי נגד המס', אז נמצא בשמואל מספר י"ד כ"י חד"ח נגד ב' מד"מ, ובישעיה רובם חד"ח, ולא אחד בהם מד"מ. ונוסף לזה הנה במס"ק דבמדבר יד, כ"ד נמסר ככה: „[ד'] וב' מלא ב' יודין", נמצאנו למדים מזה, שבב' דנביאים חסר י' אחת, ומאחר שלא נמצא שום נוסח „הביאתו" בחסרון י' שניה, א"כ ודאי שר"ל „הבאתיו". מכ"ז נראה בעליל שיש שבוש במס' דפ' מקץ, וצ"ל „ב' בתראי חסרים". כד) ותבאהו – חסר ע"פ המס' דכאן.

ב ג) עללות – חסר ע"פ המס' דתהלים קמ"א: עללות ד' ב' כ"כ (ר"ל זה ושל תהלים), והשנים האחרים (דברים כב, י"ד וי"ז) כתובים עלילת. וכן במק"ג ובליפסיענזים ובקיטל. ה) חדלו – העירותי על דגש הל'. ט) יִדָּמוּ – בקמץ בס"מ. יד) אֲשֶׁר – במונח ברוב המדויקים, ועמהם מק"ג, ב"ב וקיטל. טז) וְקַח־לְךָ – כצ"ל, וכן בקיטל. וכן מוטעם במק"ג ובב"ב ובליפסיענזים, אלא שבשלשתם נשמט המקף, שהרי הטעמת וְקַח לְךָ א"א, כידוע ליודעי חקי ההטעמה. טז) וְאָמַר | לוֹ – כן ברוב כ"י, וכן בב"ב ובקיטל, והוא הנכון ע"פ הנתוח. כג) מֵאֵת כָּל־הָעָם – כן בס"מ. כד) כִּי – בתל"ג. כן בב"ב ובקיטל. והוא מוכרח, שהרי אין תל"ק שאין אחריה קדמא, והספרים המטעימים לוא בקדמא בטלים במעוטם. שאינם אלא שלשה כאלה, ומהם שנים המטעימים בכ"ז כִּי בתל"ג.

ג ח) וַיֹּסֶף יְהוָה – במרכא לפני המתג (משה"ט דף י"ז), וכן בקיטל ובליפסיענזים. טז) את – העירותי „ס"א אל" (ר' במ"ש).

ד ז) לֹא – במרכא ע"פ מס"ג למשפטים כא, ל"ה (ר' בדרכי הנקוד לר"מ הנקדן ל"ב ע"ב, ובשום שכל לרוו"ה בראשית יב, כ'. ובמשה"ט דף כ"ז), וכן בס"מ. טו) ושמנה – חסר ו' ע"פ המס' (ר' מ"ש דה"א יב, כ"ד).

ה א) ויבאהו – חסר דחסר ע"פ המס' דשופטים א, ז' (ר' מ"ש לירמיה כו, כ"ג).

ו ב) הודענו – חסר ברוב ס"מ. ז) אֶחָת – כצ"ל ע"פ המס' (ר' מ"ש). וכן במק"ג, בקיטל ובב"ב, וכן ברוב כ"י.

ז ג) שמואל – ברביע, ובמק"ג בזקף והוא שבוש, שהרי א"א לבוא זקף לפני סגול. ועוד שהרי להלן (טו, י"ד) נמסר „ו' בטעם בספרא" ר"ל ו' פעמים „וַיֹּאמֶר שְׁמוּאֵל" בזקף, ומספרם עולה כן לבד מזה. י) בְּקוֹל־גָּדוֹל – בתל"ג. כן בקיטל ובב"ב, וכן ברוב הס' כ"י, וכן נכון לפי הנתוח, לפי שהמלים „ביום ההוא" כמוסגרות.

ח ד) וַיִּתְקַבְּצוּ – כן במק"ג, בב"ב ובקיטל. כ) מלחמתינו – ברוב הס' מלא י'.

ט א) וּשְׁמוֹ קִישׁ בֶּן־אֲבִיאֵל – כצ"ל ע"פ הנתוח, ולא בפשטא מונח זקף. וכן בב"ב ובקיטל. ו) שָּׁם – בש' דגושה, וכן יב) יֶשׁ – בי' דגושה מדין אתי מרחיק. טו) גָּלָה – במתג וז"ק. כן במק"ג, בב"ב ובקיטל ובליפסיענזים.

י ב) קְבֻרַת – חסר ע"פ המסרה, וכן בס"מ. ז) וכן ט) האתות – מלא ו' תנינא ע"פ המס'. אֲשֶׁר – במונח. כן במק"ג, בב"ב ובקיטל. יח) ומיד – בפשטא. כצ"ל, וכן בכל ס"מ.

יא ב) אכרת – חסר ע"פ המס' דיהושע ט, ז' וישעיה סא, ח', וכן בב"ב ובקיטל. יא) מִמָּחֳרָת – ברביע, ולא בזקף, שהרי לעולם לא יבוא זקף לפני סגול. בתוך – הב' רפה, ודגשותה במק"ג ובלטרים ובב"ב אינה אלא שבוש.

יב ח) וַיֹּשִׁבוּם – חסר י' (ר' מ"ש). יד) אֲשֶׁר – כן ברוב ס"מ.

יג ב) בְּמִכְמָשׂ – תקנתי בהערה „כלם בסין" (ר' מ"ש). יב) וָאֶתְאַפַּק – במתג וז"ק ברוב ס"מ. כא) וְהָיְתָה הַפְּצִירָה – כן מוטעם בכל הספרים, לפי שהמטעימים חשבו את שתי המלים יחד לשם אחד של איזה כלי השחזה, וכיום נתברר לנו הבאור האמתי אחר שנמצא בדורנו באחת המכרות הנעשות בא"י בהשגחת האנגלים משקל קטן של ברזל, ועליו חרוח בכתב עברי הישן „פים", ושקלו בן יהודה ומצאו שלישית השקל. וכבר תורגם כן בתרגום תנ"ך באנגלית שיצא לאור בשנת 1917 בפילודלפיה, ובאידית בתרגום יהואש ע"ה.

והנה ראוי אפוא להטעים: והיתה הפצירה פים, אך מי זה יהין לשנות? -פים-הפ' רפה בקיטל ובב"ב, וכן נכון, לפי שאין אתי מרחיק נוהג בנסו"א שלא למקום מתג (ר' תו"א צד 29).

יד ג) אחי אי־כבוד | – זה אחד מי"א לגרמיה לפני קדמא ואזלא שנמנו במס"ג דירמיה ד, י"ט, ורשד"ל בכ"ח מחברת ט' צד 8 שהטעים אי־כבוד בתל"ק, נעלמה ממנו מסרה זו. וגם מלת „אחי" לא תוטעם במשרת לפי הנתוח, שאע"פ שאי־כבוד ואחיטוב שניהם בני פינחס, אין ספק ש„בן פינחס" שב על „אי־כבוד", הנודע לבן לפינחס משכבר (למעלה ד, כ"א), וע"כ ראויה מלת „אחי" להפסיקה בפזר, ודלא כרשד"ל שם. בשלו – כצ"ל ע"פ המס' דבראשית מט, י' שמסרה, ח שלו (שופטים כא, י"ט, ש"א א, כ"ד, ג, כ"א, ירמיה ז, י"ד,' כו, ט', מא, ה', תהלים עח, ס', וזה עמהם), וג' שילו (שופטים כא, כ"א ב' בפסוק וירמיה ז, י"ב), וא' שילה (בראשית מט, י'), והשאר שלה". ויפה העיר המ"ש שם על ט"ס שנפל במס', ואחר תקונו נפל שוב ט"ס במ"ש עצמו, וכצ"ל בו „וצ"ל וח' (=ושמונה) שלו כתיב". יא) פלשתים – בזקף כבמקצת כ"י וכמו שהוא בקיטל. אבל רביע מקלקל את הענין, לפי שנשמע בו, שהפלשתים אמרו מתוך החורים שהתחבאו בהם לאמר: הנה עברים יוצאים. טו) המצב – בקמץ ברוב ס"מ, ועמהם ב"ב וקיטל. לב) ויעש – הנקדה משמאל הש' מתמיהה. שהרי אין ש נקראת אלא ט, והנקוד הולך לעולם אחר הקרי. ואדרבה לפי הכתיב ודאי היתה ימנית: ויעש מן עושו (יואל ד, י"א), אך נמצאת בכל הספרים. לו) ונבזה – הו' רפה ע"פ המס', והעירותי עליה. מג) אל־יונתן – במונח בס"מ. מד) יוסף – כצ"ל – חסר י' ע"פ המס' (ר' הערת הח' פ"ד במחברת המסה"ג בערך יסף). מט) מיכל – העירותי על נוסח פתח בס"פ.

טו ג) והכיתה – מלרע ע"פ המס'. מעלל – זה אחד מן „ו' חסרים בלישנא" שנמסרו באיכה ב, כ'. וכן בבו"ד. ו) אסף – המתג בא' לפי שהחירק הוא חירק קטן במקום צירי אסף ע"ד תסף (תהלים קד, כ"ט) (ור' מ"ש). ח) אגג – במס' לבמדבר כד, ז': כל דסמיך למ' פתח. ל) נגד זקני־עמי – כן ברוב ס"מ ועמהם ב"ב וקיטל, ונכון. לה) ולא־יסף שמואל – בקדמא ואזלא. כן ברוב ס"מ, ונכון לפי הנתוח.

טז ה) התקדשו – במתג וז"ק לבד בס"מ. יא) כי לא־נסב – (ר' משה"ט דף כ"ג).

יז ד) מנת – העירותי על נוסח „מנת". כג) גלית – הי' בקמץ כבכל המקומות. כה) יעשרנו – במרכא משרת הלגרמיה, ואין כאן מקום לפסיק, ולא נמצא בס"מ. לא) ויגדו – חסר ע"פ המס' דמ"ב יח, ל"ז. לה) והמיתיו – העירותי „יתיר י", כי הדגש כדין והי' היא היתרה. לו) הדב – צ"ל חסר ע"פ המס' דפסוק ל"ד „לית מלא". וכן בבו"ד. הפלשתי – בקדמא ולא בפשטא ע"פ הנתוח. לט) לא אוכל – כן ברוב ס"מ. כי לא נסיתי – אף זה כן בס"מ.

יט ג) אשר – כן בס"מ. ז) את כל־ – כן בס"מ. ט) ישב – חסר, לפי שזה אינו בכלל ח' מלאים בספרא, ומס' ש"ב י"ט משובשת (בו"ד). כב) ויאמר – זה אחד מי"ב פסוקים דסבירין ויאמרו ע"פ המס'. כד) בנביאם – כצ"ל חסר י' תנינא. הנה בסי' י"ט, כ' נמסר „ג' מלאים בלישנא", שהם י, י"א, יט, כ', כח, ט"ז. ונמצא שהשאר חסרים, והם י, י"ב, יט, כ"ד, כח, ו', אלא שהראשון חסר י' קדמאה בעדות בעל מ"ש, והשנים האחרונים חסר י' תנינא בס"מ, ומה שנמסר ע"ז של יט. כ"ד „ג כ"כ", הג' הוא בירמיה כג, ל"א.

כ א) ומה־חטאתי – המ' בסגל ע"פ המס' (ר' דרכי הנקוד והנגינות ווילנא תקפ"ז, דף י"ב), ודלא כרשד"ל בדקדוקו Grammatica della Lingua Ebraica § 983. ו) כי – כן בס"מ. כא) הנה – במרכא כדין משרת הלגרמיה. לו) לז) החצי – מלעיל בכל הספרים כלם חוץ מהוצאת בו"ד שהדפיסוה מלרע עפי' הרוו"ה בשם יהב"י הנקדן ובעל מקנה אברם. אבל הספרים שמצאו בהם כן בטלים במעוטם, מאחר שלא נמסר ע"ז דבר במס', וגם הוא נגד שיטת הנקוד, שאלו היה מלרע היה הצירי ראוי להשתנות לחירק, והצ' היתה נדגשת: החצי. ומלבד זה הלא ההטעמה המלרעית במלה זו בכלל תמוהה. ור"מ רייכערסאהן שאמר לישבה ע"י הכלל שחדש לו (בחלה"ג § קל"ד) שמלים מלרעיות לעולם מלרע הן, גם כשמסימות בתנועה עם י' נוספת, כמו המשפילי, שוכני (משא"כ אהבתי מן אהבת), לא אמר כלום, כי מלת חץ, בין שנניח שעיקרה חצץ כשיטת רוב המדקדקים, ובין שנניח שנתרחבה ל„חצץ", כשיטת שטיינבערג, נדונה כמלעילית ולא כמלרעית, וזה ברור. וכן החליט רשד"ל (בכ"ח מחברת ט' צד 8) בראיה מן המכלול לרד"ק שהמלה מלעיל.

כא ו) כתמול – מלא (ר' מ"ש כאן ובפ' ויצא).

כב כ) בן־אחד – במתג מקף ורביע. כן בס"מ.

כג כה) ויגדו לדוד – במונח וזקף בס"מ. ונכון כפי הנתוח. כח) מרדף – בלי מתג (מ"ש).

כה לה) לולי – העירותי „ס"א לולא" (ר' מ"ש).

כו ח) איבך – אין כאן כתיב וקרי (מ"ש ובו"ד). י) יבוא – מלא. במס"ק ב' ל"ד נמסר: „ל' חסר בספרא". יט) מהסתפח – בגרש ולא בגרשים שהרי הוא מלעיל. כד) כן – במונח בס"מ.

כז א) ביד־שאול – במקף ברוב ס"מ (ר' הערתי לשופטים י, ז'). לבקשני – הק' רפה ברוב ס"מ, ועמהם ב"ב (ור' במ"ש).

כח יב) רמיתני – העירותי „קמץ בטרחא". טו) ענני – העירותי על נוסח ענני. טו) הנביאים – כצ"ל, וזה אחד מן ג' מלאים בספרא. יט) ביד־פלשתים – שניהם בפסוק במקף, **וכן בב"ב ובקיטל.**

כט ו) באך אלי – כצ"ל חסר ע"פ המס' דש"א טו, ז' (ור' מ"ש).

ל ב) וינהגו וילכו – כן ברוב ס"מ. ובמק"ג נמסר במס"ק „ל' מלעיל וחד מלרע וינהגו וילכו". והנה כונת המס' נתבארה יפה במ"ש. והמגיה של המק"ג הבין מלעיל ומלרע כמשמעם, וע"כ עשה לנו צחוק, שהודפס שם וינהגו בזקף על הי' (!!). יג) אנכי – מלעיל, וממילא בלי מתג, שכן נמסר עליו „ה' בטעם וכל זקף ואסף דכותיה במ"א חף אנכי". טו) השבעה – בלי מתג. כי הטעם מלעיל (אע"פ שנרשם על האות האחרונה, שהרי זה דין תל"ק לעולם) ומדגיש אחריו מדין אתי מרחיק, לפי שהקדמא בא כח מפסיק ונדון כמוהו לענין זה, ודוגמתו: השבעה לי (בראשית כא, כ"ג), בכה דל (להלן יג, ד') (ר' חלקת הנקוד מאמר ה' הערה 32). טז) אשר – במרכא (ר' משה"ט דף כ"ז), וכן בס"מ. יז) כי – בתל"ק בס"מ. ונכון. כב) אשר הלכו – כן ברוב מדויקים. ל) בכור – העירותי על נוסח „בבור".

לא ד) שלף – במרכא ברוב ס"מ, ועמהם מק"ג, ב"ב וקיטל.

# שמואל ב

א ו) הדבקהו – כצ"ל חסר (מ"ש ובו"ד). כז) גבורים – זה מלא כחבריו ושל פסוק כ"ה הוא החסר ע"פ המס' דיהושע י' (ר' מחברת המסה"ג בהערת הח' פ"ד בערכו). וכן בקיטל ובב"ב.

ב יט) השמאל – חסר ו', והם ד' כן בנביאים ע"פ המס'. וחבריו ביהושע יט, כ"ז, מ"א ז, מ"ט, וישעיה ט, י"ט (רוו"ה).

ג ב) היזרעאלת – חסר י', שכן נמסר במערכת המס': יזרעאלית ה' (כצ"ל), וסי' וישב דוד עם אכיש, וילדו לדוד בנים, ויעל (כצ"ל) שם דוד, ושתי נשי דוד נשבו, ואלה היו בני דויד. וישב וילדו היזרעאלת כתיב, ויעל ושתי היזרעלית כ', ואלה היזרעאלית כ'. וכן נמסר ע"ז במס"ק „ב' חסר". ומסרת קיטל משובשת.

ד ז) ויסירו – כצ"ל מלא. ח) איש־בשת אל־דוד – במרכא. זה אחד מן ז' מקומות שיש בהם שנוי ע"פ המס' (משה"ט דף ט"ז ע"ב).

ה ב) הייתה – הה' בפתח, והיא מן „ג' מלין דתיבותא קמייתא נסבא מן תנינא" (או"א סי' ק"א). אתה – הטעם בת', לפי שהוא קדמא.

כד ה) בערוער – מלא בכל הספרים בהתאם למס' כ"י ערפורט. ונגד המס' שבדפוס דש"א ל, כ"ח ודמ"ב י, ל"ג. ו) יען – הי' דגושה בס"מ מדין אתי מרחיק. יג) אם־שלשה – בלי ו' השמוש. והעירותי „כצ"ל ע"פ המס'. כי במס"ג דיהושע כ"ב ובמס' אכלה ואכלה סי' שד"ם נמסר „ח' פסוקים ואם (אציין רק מקומותיהם בשביל הקצור) ויקרא כו, ט"ז, שם כו, כ', ושם כו, כ"ז, יהושע כב, כ"ג. ירמיה כז, י"ח, עמוס ט, ג'. מלאכי א, ו', דה"ב טו, ב'. ובמס' או"א סי' שמ"ו: „כל קרייא דכו' אם ואם במצעת פסוק בר מן י"ח אם אם וסי' וכו'. מכ"ז מתברר שזה צ"ל: אם ואם. וכן הוא בקיטל. יד) וביד־אדם – במקף בס"מ. יז) תהי נא – במרכא, וזה אחד מן „ו' זוגין" שנמסרו במס' דפ' שמיני (ר' משה"ט דף כ"ט).

# מלכים א

א ז) דבריו – בז"ק לפי הנתוח, וכן במק"ג, בב"ב ובקיטל. ויעזרו אחרי – כן בס"מ. כנראה, לפי שהמלים האחרונות כבירות. יז) אדני – הטעם בי' לפי שהוא פשטא. יח) ועתה אדני – וכן כ) ואתה – העירותי עליהם „סבירין" (ר' במ"ש). לא) ארץ – „סבירין ארצה". כ"ה במס"ק. מה) הנביא | למלך – בפסיק ע"פ המסרה. מז) לברך – בתל"ג בס"מ, וכן נכון, שהרי אין תל"ק שאין אחריה קדמא. נא) הנה אדניהו – כן מוטעם בס"מ, ונכון.

ב ד) לאמר (השני) – בז"ג ברוב הס', וכן נכון ע"פ הנתוח ודלא כבו"ד. ח) בן־גרא בן – כצ"ל מוטעם (ר' משה"ט דף י"ח). כ) כי – במרכא בס"מ. כב) ולמה – מלרע והמ' רפה כדין לפני א'. כג) בנפשו דבר אדניהו – כן בספרים, ונכון. וכמה גרועה הטעמת בו"ד: בנפשו דבר אדניהו, כי לפיה תהיה מלת „הזה" נפרדת מכל שלפניה, שהרי אף הרביע מפסיק פחות מן הטפחא. כד) הכינני – ברביע לפי הנתוח, וכן במק"ג ובקיטל ובבו"ד, ובכמה כ"י. ל) כי פה, וכן: לז) מב) כי מות – בב' מונחים בס"מ. מ) גתה – הת' רפה בס"מ. מו) ביד־שלמה – במקף בס"מ (ר' משה"ט דף ס"ה).

ג ו) שלמה – ברביע, שהרי א"א לזקף לבוא לפני סגול. עבדך – הטעם קדמא, וע"כ ד' דוד רפה, וכן ברוב מכריע של כ"י. ט) ונתת לעבדך – בקדמא ואזלא, וכן במק"ג, בב"ב ובקיטל. יב) כדבריך – כן למערבאי דקי"ל כותיהו, ולמדנחאי: כדברך. ור' במס' או"א סי' ק"ל, שלא נמנה זה בין י"ג דבריך דכתיבן דברך. טו) ויקץ – הק' רפה בס"מ, לפי שהחירק שלפניה גדול, אלא שנכתב חסר, וכן להלן ותמרת, התמרת (ו, כ"ט, ל"ב, ז, ל"ו), וכן חמשית (ו, ל"א), ולאלם (ז, י"ב), מצק (ז, ט"ז), ויקץ (יח, כ"ז), בכל אלה החירק או השורק תנועות גדולות אע"פ שנכתבו בחסרון י' או ו' ע"פ המס', וע"כ אחריהן רפה, והנה מצק יגיד עליו רעו בפסוק כ"ג, ועל תמרת יגיד ותמרות (ו, ל"ה) שבא מונח במקום המתג, ועל חמשית יגיד חמשיתו (ויקרא כז, ל"א) שהמ' במתג בכל הספרים. יח) זולתי שתים־אנחנו – כן במק"ג, בב"ב ובקיטל. כד) קחו לי־חרב – כן במק"ג, בב"ב ובקיטל. ונ"ל שהוא נסוג אחור במקום קחו־לי חרב, ובהסוג הטעם פקע המקף ונעתק אל השניה בטבע המבטא, וכן לשום שמי־שם (ט, ג'), לא בא־כן (י, י"ב), וכן הרבה במקרא. ויבאו – חסר בבו"ד וכן בכמה כ"י. והנה בדה"א יא, י"ח במס"ק נמסר „ג"ח וכל נביאים דכותיה חסר במ"א מלא. ובבו"ד הביאו ממס' כ"י הכוללת יביאו עם ויביאו יחד. והמלא הוא בישעיה סו, כ'. כו) ותאמר | בי אדני . . . וזאת אמרת – הרוו"ה ובו"ד הטעימו ע"פ כ"י ישן: ותאמר בי אדני . . . וזאת אמרת. והנה אע"פ שכן מתאים יפה עם הנתוח ההגיוני, אינו מתאים עם חקי ההטעמה, לפי שלעולם פעל האמירה המוקדם לתכנו מוטעם בטעם שכח הפסקו מתפשט עד סוף האבר הראשון של המשפט בלבד, כמו בראשית ג, ט"ז; ד, כ"ג; כד, ג"ז; לב, י"ג; לז, כ"ב. ר' Grammatica della Lingua Ebraica § 130 B לרשד"ל, ויגיד עליו רעו בפסוק הבא.

ד ח) שמותם – מלא בכל הספרים, וכצ"ל. ט) במקץ – מלרע בקיטל ובב"ב, וכן נמצא בכל הס' כ"י וד"י, וכן נכון ע"פ משקל השם. ואילון – מלא דמלא בכל הספרים. ורק בו"ד הדפיסוהו חד"ח ע"פ המס', אבל מסרה זו משובשת ואין לסמוך עליה (ר' מחברת המסה"ג בערכו הערת החז' פ"ד). בית – כן ברוב הס'.

ה ב) ויהי – במרכא ולא בתביר, שכן לא נמנה במס' דדה"ב יב, י"א עם „כ' ר"פ בטעם תברין". וכן בכל ס"מ. יז) יכל – חסר בכל ס"מ. ושבוש במס' דבמדבר יג, ל' (ר' הערת החז' פ"ד בערכו והערת בו"ד בדה"ב ז, ז'). עד תת־ה' – כן מוטעם במק"ג, בב"ב ובקיטל, ונכון. כח) על־המס – פתח בס"פ ע"פ המס'.

ו א) מצרים – בתל"ג לפי הנתוח. וכן בכמה כ"י ובבו"ד. ו) וכן: י) היציע – כן כתיב וקרי ע"פ המס', שכן במערכת ובאו"א קמ"א נמנו „ב' זוגין מן ג' ג' כתבן ו' במצע תיבותא וקרין י'", ולא נמנו „ג' זוגין" עם זה. וכן הוא בהרבה כ"י, וכן בבו"ד. ז) אבן־שלמה מסע – כן בב"ב ובקיטל ובבו"ד, ונכון. טו) צפה־עץ – במקף לבן אשר. כד) מקצות – הק' רפה בס"מ. כז) ותגע כנף־האחד – כן מוטעם במק"ג, בב"ב ובקיטל. לז) הרביעת – כן במק"ג, וכצ"ל ע"פ המס"ג דסוף יחזקאל כפי שנתקנה ע"י הרוו"ה והח' פ"ד (ר' במחברת המסה"ג בערכו). והן אמנם לפיה היה ראוי להיות למעלה בפסוק ל"ג „רביעת", אך נוסח כל הספרים כלם „רבעית", והוא המכריע.

ז ה) והמזוזת – מלא ו' קדמאה וחסר תנינא (מ"ש), וכ"ה בכל הספרים. ומן המס' אין להוציא דבר ברור, ואותה מסרה כ"י שסמכו עליה בו"ד לנסח „והמזוזת", ודאי משובשת, שהרי נמסר בה „. . . וב' מלא דמלא במלכים, וסי' האיל מזוזות חמשית, ההיכל מזוזות עצי שמן, ושארא מזזת כתיב". וכמה הן „שארא"? הלא רק זה האחד שלפנינו! וא"כ אחר שהזכירה את האחד מלא דמלא דדברים יא, כ', היה ראוי לומר: וכל מלכים דכותיה בר מן חד", כדרך המס'. ובאמת במס' כ"י שהביא הרוו"ה נמס': „וכתבתם בתרא ומלכים מזוזות כתיב מלא דמלא". ע"כ אפשר שנשמט בה הסיום „בר מן חד", ולא נוציא את הנוסח מחזקתו בכל הספרים כלם. ז) וספון – מלא ע"פ המס' דלעיל פסוק ג' „לית חסר". וכן בב"ב ובבו"ד. יב) כרתת – חסר דחסר ע"פ המס' דש"א ה, ד'. וכן בס"מ. כה) פנים | ימה, וכן: לה) עגל | סביב – בפסיק ע"פ המס'. מה) האהל – הדגש שיך לל' הנקראת במקום הה', שכן הנקוד הולך אחר הקרי, כידוע.

ח א) את־כל־ראשי – כצ"ל ע"פ המס' שמנתה פסוק זה בין י"ט פסוקי בספרא את את את (ר' מ"ש). וכן בקיטל ובבו"ד. יח) יען – כן ברוב כ"י עתיקים, וכמו בדה"ב ו, ח' (בו"ד). כה) שמר לעבדך דוד – תל"ג קדמא ומהפך, וע"כ ד' דוד רפה. וא"א שיהיה טעם לעבדך פשטא, שהרי בפשטא המתרדף שנים הראשון מפסיק יותר, והנה הוא נגד הנתוח ההגיוני. ונמצא נכון בקיטל. לא) ונשא – בו"ד הדפיסו את זה ואת מקבילו שבדה"ב ו, כ"ב בשין ימנית ע"פ מס"ק כ"י. וכן קראו רש"י והרד"ק. אבל ע"פ המס' שלנו הוא בסין, שהרי נמסרו כאן במס"ג „י"ז בקריאה", ואין דרך המס' לחבר ימנית ושמאלית למנין אחד מבלי לעורר על ההבדל. ובמס"ק דספרינו שנמסר בה בב' המקומות „ב'", הכונה היא, שבב' המקומות האלה בלבד נמצא הניב „ונשא בו". לט) שבתך – בבו"ד ע"פ כ"י כאן „שבתך", ולהלן מ"ט „שבתך", ונסתיעו במ"ש דשם. אבל מן המ"ש אין ללמוד כן, אלא שכאן קרא שבתך ודאי, שכן ספרים המנסחים כאן שבתך הם מעט מזער, כמו שראיתי בקובץ, אבל להלן נמצאים הרבה כ"י המנסחים שבתך (והיה מסתבר כן מחבור הענין), ובכ"ז החליט לנקד גם שם שבתך. ואפשר שבמס"ק כ"י שנמסר „ג", ר"ל: ג' בספרא. סג) את זבח – כן במק"נ ובקיטל. סה) ההיא – בי' בס"מ.

ט א) לבנות את־בית־ה' – כן במק"ג, בב"ב ובקיטל. ג) אשר התחננתה – בשני מונחים בס"מ. ט) ויעבדם – זה נמנה בין

„מ"ח מלין מיחדין חסרים ו' במס'. וכן בב"ב ובבו"ד. כא) נתרו – חסר ו' ע"פ המס', וכן בכל ס"מ. כב) ושלישיו – מלא (מ"ש).

י י) מאה – במרכא שהוא לעולם משרת הלגרמיה, וכן בס"מ. יב) לא בא־כן – כן בב"ב ובקיטל ונכון. כה) איש, וכן: כט) בשש – במונח בס"מ. כט) יצאו – חד"ח בכל הספרים, ולא נתברר במס'.

יא א) עמנית – הם' בח"ק (מ"ש). ג) ופילגשים – המ"ש הביא נוסח ספרים המחסרים י' ראשונה ולא הכריע, ובו"ד הדפיסו „ופלגשים", ע"פ מסרה כ"י „לית וחסר יוד קדמא", ומתוכה נראה שבושה, שהרי נמצא עוד בשה"ש ו, ט' ובדה"ב יא, כ"א. טו) בעלות – ברביע, כן בב"ב ובקיטל, ונכון לפי הנתוח. טז) כי – כן בס"מ ועמהם ב"ב וקיטל. כב) ויאמר | לא – במס"ק: „ג' בטעם פסק ודגש", והיא מס' משובשת, שבאמת ד' הם (בראשית יח, ט"ו, שופטים יב, ה', למעלה ב, ל', וכאן), וכלם בדגש בלא פסיק לבן נפתלי, ובפסיק בלא דגש לבן אשר שהלכה כמותו, ועל פיו אין לנו רק ב' „לא" דגושים אחר „ויאמרו" בלי פסיק (בראשית יט, ב', וש"א ח, י"ט) (ור' בחלופין). כו) צרועה – כצ"ל בפשטא לפי הנתוח, וכן בכמה כ"י וכן בקיטל. לב) ירושלם – במונח וזקף בס"מ. לז) אקח – בפתח (מ"ש). ומפורש במס' או"א סי' רכ"ד. לח) חקותי – מלא, שכן זה אינו מן ט' חסרים שנמסרו בירמיה מ"ד.

יב ב) המלך שלמה – כצ"ל, ולא „שלמה המלך" (מ"ש, ור' מסרת המקרא לר"פ פינפער צד 118). וכן בב"ב ובקיטל ובבו"ד. ה) אליהם – יש ספרים המטעימים זקף, אבל ראה הערתי למעלה ג, כ"ו. ט) אליהם – מלא, שכן זה לא נמנה בין י"ג חסרים בספרא שנמסרו במס"ג סי' י"ג. י) קטני – הט' בקמץ קטן אבל לא בחטף קמץ בראית הדגש שבנ'. יא) אבי – הטעם בי' לפי שהוא פשטא, וכן במק"ג, בב"ב ובקיטל. יד) ואני אסיף – כן מוטעם בבו"ד, ונכון, לפי שמלת „על־עלכם" כבירה. טז) את־המלך | – בפסיק, ונמנה בין פסקתא דספרא. כד) וישבו – חסר ע"פ המס"ג דספרא מל"א סי' כ"ב. לב) בחמשה – ב"וד הוכיחו, כי דגשות הב' בספרים היא לשיטת בן נפתלי, שאינה הלכה. לעגלים – בקמץ ע"פ מסרת או"א סי' כו'. כן עשה בבית־אל – ולהלן יג ד) אשר קרא על־המזבח בבית־אל – בבו"ד הטעימום: כן עשה בביתאל (בהוצאתם לעולם מלה אחת) – אשר קרא על־המזבח בביתאל. וכ"ז בלי שום ראיה מאיזה כ"י או דפוס ישן, אלא תקון שלהם, כדי למצוא טעם למה לא בא באלה מונח במקום המתג, כמו שבא בשלשה מקומות שנמסרו במס' דבראשית לה, ט"ז: ויסעו מבית אל (שם), בעי ובית אל (יהושע ח, י"ז). והעמיד בבית אל (כאן). ומי ישמע להם לדבר כזה! ועוד שבפסוק „אשר קרא וכו'" הטעמתם נגד הנתוח, לפי שהכונה פשוטה, שחרה מאד למלך על שהעיז הנביא לקרוא בבית אל (עיר מקדש מלך, ראה עמוס ז, י"ג) כדברים האלה על המזבח, אבל לפי הטעמתם תהיה הכונה: אשר קרא על המזבח אשר בבית אל, ומה בא הכתוב ללמדנו? ולענין השנוי ע"פ המס' נ"ל שבמקום שהפשטא בלי משרת הטעימוה מונח במקום מתג כדי להלאיט את האמרה.

יג א) אל־בית־אל – שלשתן מוקפות כלמטה פסוק י'. כן בס"מ. ד) אשר שלח – בשני מונחים בס"מ. כ) דבר־ה' – במקף בס"מ.

יד ח) ולא־היית – במקף. כן במק"ג, בב"ב ובקיטל. כ) אשר – במונח בס"מ. כא) ושבע – במרכא (משה"ט דף כ"ג ע"ב).

טו ז) כתובים – ברביע, כמנהג בעה"ט בכל המקומות המקבילים לזה. וכן הוא בקיטל. אע"פ שלפי הנתוח כלם ראויים לזקף. ואולי הכונה, שהיה ספר אחד הכולל קורות שתי הממלכות. ומלחמה – במרכא בכמה כ"י (ר' משה"ט דף כ"ז ע"א). ט) על־ – העירותי על נוסח „מלך". כן נמצא בב"ב ובקיטל. ושם נמסר בצדו „ט' בספרא", ר"ל תשע פעמים נמצא „אסא מלך יהודה" בס' מלכים. יג) לאשרה – במק"ג ובקיטל הל' בקמץ, והעירותי ע"ז. יח) ובאוצרות – כן הוא ע"פ המסרה (רו"ה והח' פ"ד במחברת המסה"ג ערך אצר), וכן בבו"ד. כב) וישאו – בגרשים בכל ס"מ. ל) בכעסו – הע' בשוא פשוט (מ"ש).

טז ב) ותחטא – חסר י' ע"פ המס'. ה) דברי וכן: כד) את־ההר – במרכא (משה"ט כ"ו ע"ב).

יז א) אשר – במונח בס"מ. ג) לך – הל' בדגש אתי מרחיק. ט) י) צרפתה – הפ' בפתח בס"מ. יט) ויעלהו אל־העליה – כן מוטעם בקיטל, וכן נכון לפי הנתוח, לפי שמלת „ויעלהו" זקוקה למפסיק פחות ממלת „שם", אבל יותר מכל מה שבינתים. כג) ויאמר אליהו – נמסר עליו: „ב' בטעם שופר חקף", וכן נמסר על ויעל אליהו (מ"ב ב, י"א) „ב' בטעם", ור"ל שבשני המקומות האלה בא מונח במקום המתג באות הראשונה שלא כדין, אבל במקף, ששתי המלים נדונות כאחת, יש עוד כמה אליהו בטעם מונח חקף (מל"א יז, י"ח כ"ד; יח, א' מ"ו; כא, כ'; מל"ב א, ט"ו; ב, א'). וכן מוטעם במק"ג ובב"ב ובקיטל. ובו"ד הטעימו גם בשני אלה מתג וזקף בלבד, והטו את המסרה לכונה אחרת לגמרי, שענין „ב' בטעם" אינו אלא שבשני המקומות (במל"ב ב, א' וי"א) מוטעמים „אליהו בסערה" זקף וטפחא. אבל הרי לא נמסר אלא על זה ועל השני דשם, ושהם בטעם „שופר וזקף".

יח ט) ביד־אחאב – במקף בס"מ. יב) על – ביתיב. כן בקיטל ובב"ב, ונכון. יט) ארבע מאות | וחמשים – כן מוטעם בס"מ. כו) עשה – סבירין עשו. כ"ה במסרה. כט) ויתנבאו – הי' במתג בס"מ. לו) אלהי – בפשטא. כן בקיטל, וכן בכמה כ"י ונכון. לח) ואת־העצים – כן בס"מ. מו) וידי – כן בס"מ (ר' משה"ט דף ס"ה). – בהערה „הפט' פינחס" הוספתי „כשהוא קודם לי"ז בתמוז" (ר' ירמיה א, א').

יט ו) עגת – הג' רפה בס"מ (מ"ש). י) וכן: יד) ויאמר – בתל"ג בס"מ.

כ ג) ויאמר – זה אחד מי"ב „סבירין ויאמרו" שנמנו במס'. כה) וסוס – במרכא משרת הלגרמיה. וכן במק"ג. כט) ויחנו אלה נכח־אלה – (משה"ט כ"ב). וכן בכמה כ"י. לא) שמענו – בזקף לפי הנתוח, וכן בס"מ. כי מלכי בית – כן מוטעם במק"ג, בב"ב ובקיטל. לג) על – נ"א אל (או"א סי' ע"ז, ובהערות הח' פ"ד).

כא י) אנשים –, וכן: יג) האנשים – במרכא (משה"ט דף י"ח). וכן בקיטל. ויצאהו – חסר דחסר ע"פ מס' דבראשית י"ט. טז) כי מת – שני מונחים בס"מ. לרדת – בתביר (משה"ט ט'). כ) איבי – חסר ע"פ מס' כ"י (ב"וד). כו) הגללים – חסר ע"פ מס"ק דלעיל טו, י"ב. וכן בקיטל.

כב ו) מלך־ישראל את־הנביאים – (ר' משה"ט דף י"ח) וכן הוטעם בקיטל. ח) לדרש – כצ"ל חסר ע"פ המסרה שמסרה לנו רק ב' מלאים בנביאים, שהם בש"א ט, ט' ובהושע י, י"ב. יא) כלתם – חסר (מ"ש). יב) הנבאים – חסר בכל ס"מ, ובקיטל נמסר עליו: „לית חסר בספרא". יג) פה־אחד טוב – כן במק"ג, בב"ב ובקיטל, ונכון. ודברת טוב – הט' דגושה מדין אתי מרחיק. יח) הלא – צ"ל חסר, לפי שאינו בכלל „י"ז מלאים" שבוש במס"ק. כב) וגם־תוכל – במקף ברוב ס"מ. להחבה – העירותי „ה' במקום א'". לד) הפך – במרכא. זה אחד מן „ו' זוגין" (ר' מס' או"א סי' רכ"א ומשה"ט דף כ"ט). ידך – כצ"ל, ואין כאן כתיב וקרי (מ"ש). לט) אשר בנה – בלי מקף בכל ס"מ. מג) ממנו – העירותי „סבירין ממנה" ע"פ מס"ג פ' צו. נ) אל־יהושפט – כן בס"מ.

# מלכים ב

**א** ג) ו) טז) לדרש – כלם חסרים ע"פ המס'. יא) וְשב – בגרש ברוב ס"מ. יג) ויכרע – במרכא, שהוא לעולם משרת הלגרמיה. וכן בב"ב ובקיטל ובבו"ד.

**ב** א) בְּסְעָרָה–כן ברוב הספרים (ור' מ"ש). ג) ה) בני־הנביאִים– במרכא (משה"ט דף י"ח). יד) אַ֫ה–כו"ג. כן במק"ג, בב"ב ובקיטל, ונכון.

**ג** ז) פשע–העירותי „ס"א מלרע" כי אין להכריע. כמוני–מלא בכמה ס"מ, וכן צ"ל ע"פ המס' (ר' פ"ד). יד) פְּנֵי – כן ברוב כ"י. כד) בה – העירותי „סבירין בם" (ר' מ"ש). כה) חרשת – בסין ברוב הס'. כז) ויהִי קצף־גדול – כן במק"ג, בב"ב ובקיטל, ונכון.

**ד** כה) אתה – חסר ע"פ מס' דפ' בלק (ור' מ"ש ליחזקאל כ"ג) כט) כִי־תמצא איש – כצ"ל, ולא: כִי תמצא־איש (נגד מה שכתבתי בהערתי למ"א ג, כ"ד, לפי שבזה יש חשש הבלעה). וכן בקיטל ובב"ב. לו) אל־השנמית – ס"א לשנמית (ר' מ"ש). לט) ממנו – סבירין ממנה (מס' דפ' צו). מ) ויאמרו – הטעם בו' לפי שהוא פשטא.

**ה** ה) לֶך־בא – במקף. כן במק"ג, בב"ב ובקיטל. יא) המצרע – חסר, שכן נמס' בדה"ב כו, כ"ג „לית מלא". וכן בקיטל ובב"ב. יח) בהשתחוית׳ – מלעיל בכל הספרים, וכן כתב הרד"ק בפירושו (ר' מ"ש).

**ו** ו) וישלֶך־שמה – במקף בס"מ. וְישכם – בתל"ג ברוב הס'. אִיש – במרכא (משה"ט דף י"ח). כג) וַישלחם – במתג וזקף בס"מ. כה) ורֶבע הקב – כן בכל ס"מ.

**ז** א) סלת בשקל – ברביע, לפי שהמלים „בשער שמרון" חוזרות גם על הסלת. וכן בקיטל. – סיסלת רפה בכל הספרים. ו) קול סוס – כצ"ל, ולא „וקול" (מ"ש). וכן בב"ב ובקיטל ובבו"ד.

**ח** ה) הִוא – במרכא בס"מ. טו) ויהִי מַמְחרת – כצ"ל ע"פ הנתוח. ולא מונח ורביע כנוסח מקצת ספרים. יז) בן־שלשִים – במרכא (ר' משה"ט דף כ"ז). יט) ולבניו – „ס"א לבניו", וכן בב"ב ובקיטל (אבל ר' במ"ש).

**ט** ב) ובאת־שמה – הש' דגושה מדין דחיק. יא) ויאמר – זה אחד מי"ב „סבירין ויאמרו" שנמנו במס' דפ' מטות. המשגע – ברוב הספרים המ' רפה כמנהג משקל זה. יב) ויאמרו – לא נסו"א, והוא העושה הפסק קל, וע"כ אין אחריו פסיק. יט) שלום – „סבירין השלום" (ר' מ"ש ש"ב י"ח). כב) ויהִי – ברביע. כן בקיטל ובב"ב וכ"ה ברוב גדול של כ"י וד"י. וכן בבו"ד.

**י** ט) ואֲהַרגהו – כן בס"מ, וכחברו בש"ב ד, י'. טו) אל – „נ"א על (ר' מס' או"א סי' ע"ו, ובהערת הה' פ"ד). כז) וַיתצו – במתג וזקף בס"מ. וישמהו – חסר ע"פ המס' דש"א ל', שנמנה שם בין י' חסרים בלישנא, אלא שיש שם שבוש, שבמקום „ואשמם בראשיכם" ראוי להיות „ישם בי" (איוב כג, ו') (בו"ד). ל) יַעַן – במהפך ולא ביתיב, שכחו כח פשטא, והוא אינו מתרדף שלשה לעולם (משה"ט דף ט'). וכ"ה בכל כ"י וד"י.

**יא** א) כִּי – במונח בס"מ. הַמֻּמוֹתתים – כצ"ל ע"פ המס' דמלכים א' יט, ד': „ז' מלין דכתיבן ת ולא קרינן", וע"פ מסרת או"א סי' קס"ג. וכן בב"ב ובקיטל ובבו"ד (ור' מ"ש). ונ"ל בכונת הכתיב: הַמְּמוֹתָתִים מן הכבד הסביל (פֻּעַל), כלומר המומתים עד לאחד. אלא שנתבטל השמוש בבנין זה בפעל „מות", ונסתמה הבנתו, ע"כ תקנו בקרי: המומתים. יז) ובֵין המֶלך – כן בקיטל ובבו"ד, והוא הנכון לפי הנתוח. יט) בית המלך, וכן: כ) בית מלך – הנוסח האחר שהעירותי בהן הוא במסרת או"א סי' קס"ה.

**יב** ח) מכריכם – במתג ולא במונח אחר מונח. יט) וישלח – ברביע. כן במק"ג ובקיטל ובבו"ד ונכון. כב) ויוזבד – כן עיקר (ר' במ"ש), וכן בקיטל, ועל הנֻוסח „ויוזכר" העירותי בשולי הגליון.

**יג** ה) כתמול – כצ"ל מלא (ר' מ"ש לבראשית ל"א). יא) לא־סר – מקף ותל"ג לבן אשר ושבוש בבו"ד שהוטעם בתל"ק, שהרי א"א לזו, אם אין קדמא אחריה (ש"ז ש"ב פ"ג). יב) עִם אמציה מֶלך־יהודה – כן ברוב ס"מ. יח) וַיאמר למֶלך־ישראל – כן ברוב כ"י וכן בקיטל. כה) לקח – ברביע בס"מ, וכן נכון ע"פ הנתוח.

**יד** ז) בגי־המלח – בלי מתג, מאחר שהה' אינה נקראת, ונמצא הצירי סמוך לטעם. כה) ביד־עבדו – כן בס"מ (ור' משה"ט דף ס"ה). כז) ולא־דבֶר ה' – במונח וזקף, והטעמת רביע שבוש גדול בספרים, שהרי בזה יעלה הנתוח, כאלו נאמר: ולא דבר ה' מתחת השמים (=לא בא דברו משם) למחות את שם ישראל. ובקיטל בלבד ההטעמה נכונה.

**טו** כה) ואת־הַאריה – במתג. לא) וְיתר דברי־פקח – כצ"ל, וכן בכל ס"מ. והמטעימים וְיֶתר דברֵי פקח עושים קרבת הטעמים ללא צרך ונגד המסרה, שהרי נמסר במס': „וְיֶתר י"ג בטעם", והם רחבעם, אלה, אחזיהו, יורם, יואש, עזריהו, מנחם, פקחיה, יותם, אחז, אמון, יאשיהו, יהויקים. ועם פקח יהיו י"ד. לג) וְשש־עשרה – כן בס"מ. לו) יותם אשֶר – כן בב"ב ובקיטל ובבו"ד ע"פ המס' דכאן, וע"פ כ"י רבים, ובספרים „וכל אשר".

**טז** ז) אל־תִּגלת – בבו"ד הדפיסו „אל־תגלת", והעירו שהתל"ג המוטעם בספרים הוא שבוש גדול. אבל בעיני קשה מאד לשבש כל הספרים כלם, וסוף סוף (כרשד"ל בתו"א 68) לא כל משפטי הטעמים נגלו לפנינו (ור' הערתי לבמדבר כה, י"ח). י) פלאֶסר – כצ"ל מלעיל. טו) עַל – במונח בס"מ. וכל־דם־זבח – במקף בס"מ.

**יז** ו) התשעית – כצ"ל ע"פ המס', שהרי בויקרא כה, כ"ב נמסר „ל' כ"כ מלא י' קדמאה וחסר תנינא", ובמלכים ב כה, א' נמסר „ב' מלא", וחברו ביחזקאל כד, א', שהוא מלא דמלא בכל הספרים, ונמצא א"כ שהשאר כתובים התשעית. וכן בכל ס"מ. יג) שֻּׁבו – שני הטעמים על הש', לפי שהמלה מלעיל. טו) אשֶר – במונח בס"מ. טז) ויַעשו – במרכא (ולא בדרגא) בס"מ (ר' משה"ט כז' ע"א). כ) ביד־שסים – במקף בס"מ. כד) את־שמרון – במונח חקף בס"מ. ל) נֵרְגַל – בפתח באתנח ובמתג בהברה הראשונה כדין. כן בקיטל ובב"ב (בו נשמט המתג). לד) ואינָם עשִים – ברביע ולא בזקף, בס"מ, וכן נכון מפאת הנתוח ההגיוני וגם מפאת חקי ההטעמה, לפי שהזקף אינו מתרדף ארבעה לעולם (משה"ט ט'), שהרי הטעמים הפחותים ממנו אינם באים בחשבון, כידוע. לו) בכֹח – בדרגא (ר' משה"ט דף כ"ז וכ"ז). וכן בב"ב ובקיטל.

**יח** ט) הרביעת – כצ"ל ע"פ המסה"ג דסוף יחזקאל. יא) בְּחְלח – (מ"ש). יג) חזקיה – ולא חזקיהו ע"פ המסה"ג דצפניה א' ומשלי כ"ה. וכן בקיטל ובב"ב, וכן ברוב גדול של כ"י, ובמס"ק על חזקיה שבסי' זה פסוק א' נראה שצ"ל י"ג במקום י"ב. יז) את־תרתן ואת־רב־סרִיס ן – במרכא ולגרמיה (משה"ט ל"ד). יט) אליהם – צ"ל מלא, לפי שאינו בכלל „י"ג חסרים בספרא". כה) להשחתו – חסר כמעט בכל הס', ובמס"ק נמסר עליו: „לית חסר", ובקיטל נמסר עליו: „ז' חסר". ואולם ז' החסרים נמנו במס"ג דש"ב יא, א', וזה לא נמנה עמהם, הנאמר שנשמט, ושצ"ל: ח' חסרים? לז) ויגדו לו דברֵי – כצ"ל (ר' מ"ש), דאנן קי"ל כמערבאי. וכן במק"ג, בב"ב ובקיטל.

**יט** כד) בכף – במקף בס"מ (ר' משה"ט דף ס"ה). יארי – חסר (מ"ש לזכריה י'). כה) הֲבֵיאתִיהָ – כצ"ל (מ"ש). והנה הא' נחה ואין מקום למתג. והעירותי „יתיר י". לא) צבאות קרי ולא כתיב – ע"ז הוספתי בהערה „ובס"א קרי וכתיב". כן בכמה כ"י חסר „צבאות" בישעיה ולא במלכים, וכן נמסר בפירוש במס' או"א סי' צ"ז בין י' מלין דקריין ולא כתבן: „צבאות – כי מירושלם תצא שארית דישעיה", וגם במס"ג שלנו בדברים וברות נאמר „כי מירושלם תצא דישעיה". ובעל מ"ש שלא ראה מעולם את המס' אכו"א ולא את הספרים כ"י ההם, שבש את המס', ותקן „דמלכים", ואחריו

נגררו כל מדפיסי תנ"ך, ואף אני לא ערב לבי לשנות, אלא שהעירותי על הדבר בשולי הגליון (ר' הערת הח' פ"ד באו"א צ"ז). **לב) יבא** – במס' "כל מלכים חסר", וכן חסר בב"ב ובקיטל.

**כ** ה) חזקִיָהו נְגִיד־עמי – כן בס"מ. יג) **באוצרתיו** – נמסר עליו "ל' כתיב כן", וע"כ הדפיסו בו"ד באצרותיו, כדי לשנותו מאותו של ישעיה לט, ב', וסמכו על כ"י אחדים שנמצא בהם כן, אבל א"כ אולי צ"ל חסר דחסר, שכן נמצא בכמה כ"י. ע"כ החלטתי להניחו כמו שהוא ברוב הספרים, לפי שאפשר מאד שנשתבשה המס"ק, ובמקום "ל' כ"כ" צ"ל "ב' כ"כ". יג) **בית כליו** – העירותי "כצ"ל", ר"ל, ולא: כל בית (ר' מ"ש). כ) **הלא** – חסר. שכן נמנו י"ז מלאים בספרא (לעיל מל"א כ"ב), ואין זה מהם, וכן חסר בקיטל ובבו"ד.

**כא** ח) **ולכל** – העירותי "נ"א לכל". כן במס' או"א סי' רכ"ח. יא) **בגלוליו** – מלא בכל הספרים. כלל המס' "כל מלכים חסר" נאמר על השם שלא בכנוי. טו) **מכעסים** – חסר ע"פ מס' דריש שמואל, כפי שתקנה המ"ש בירמיה ל"ב. **אבותם** – מלא ע"פ המס' (בפ' במדבר, במלכים ובנחמיה) המונה ה' חסרים בנביאים וכתובים, וזה אינו מהם. טז) וגם דָם – כן במק"ג, בב"ב ובקיטל. כא) **הגללים** – כצ"ל חסר (כנ"ל במ"א כא, כ"ו). **אשֶר עבָד** – ב' מונחים בס"מ.

**כב** יז) **הכעיסני** – כצ"ל מלא, וזה אחד מן ו' מלאים ע"פ המס', שהם: זה, ושל מ"א יד, ט', טז, ב', יחזקאל ח, י"ז, טז, כ"ו, דה"ב לד, כ"ה (ר' הערת הח' פ"ד במחברת המסה"ג ערך כעס).

**כג** ג) **אחַר ה'** – כן מוטעם במק"ג ובב"ב, וכן נמצא בכל ספרים כ"י וד"י, וכן הוא בקיטל, וכן נכון לפי חקי ההטעמה (ר' תו"א צד 63). ד) **העשוום** – העשוים קרי. כן הוא ע"פ מס' שמות לט, ד', ואסתר ד, ח', ומס' או"א סי' פ"א וקפ"ד, וכן במקצת כ"י וד"י וכן בבו"ד. יב) **אשר־עשָה מנשֶה** – כן מוטעם בבו"ד, ונכון. יז) **המִזְבֵּחַ** – כצ"ל. שכן במס"ק נמסר ע"ז "ב' פתחין", ולמעלה טו, י"ד נמסר "ב' כ"כ", וכן נמסר במס' או"א סי' ס"ד, וכן מנוקד בקונקורדנציה, וכן במק"ג, בב"ב ובקיטל. כז) **הסרתי** – כצ"ל חסר, שכן כל "הסרתי" "והסרתי" חסרים חוץ משנים שהם: דתהלים פא, ז' ודדה"א יז, י"ג, ובשניהם נמסר "ב' מלא", ודלא כדברי המגיה במ"ש להושע ב'.

**כד** ד) דָם נָקִי – זה בקמץ בכל ס"מ.

**כה** ז) **ויבאֻהו** – כצ"ל, ושבוש גדול נפל בספרים שכתוב בהם "ויביאֻהו" (ר' מ"ש). וגם צ"ל חסר, לפי שלא נמנה עם המלאים במס' דבראשית כט, י"ג ודירמיה כו, כ"ג. ח) **לְמֶלֶךְ נְבֻכַדנאצַּר מֶלֶךְ־בבל** – כן מוטעם בס"מ. יד) **אשֶר יִשְׂרְתוּ־בָם** – כן בס"מ. יז) **עָלָיו** – במרכא לפני הפסיק (משה"ט דף ט"ז). וכן בס"מ. יח) **הסף** – פתח בס"פ ע"פ המס' (ר' מ"ש שופטים יט, כ"ז). כא) **וימיתם** – זה מלא, והמקביל לו בירמיה נב, כ"ז הוא החסר ע"פ המס' דשם. כב) **גדלְיָהו בן־אחִיקָם** – כן בהרבה כ"י וכן בקיטל, ונכון. כג) **בן־המַּעֲכָתִי** – במונח חקף בס"מ. ל) **חיו** – חסר ע"פ המס' (ר' מ"ש).

# לוח הפתוחות והסתומות בנביאים ראשונים

מיסודו של הר"ר פסח פינפער ע"פ רוב כ"י

(הפתוחות והסתומות באות אחר הפסוקים הרשומים)

## פתוחות

**יהושע** א, יח' ז, כו' ח, כט' יב, ח' כד' יט, נא' כב, לד'

**שופטים** א, ז' ד, ג' כד' ה, לא' י, ה' יא, לא' יג, ז'

**שמואל א** ב, י' כו' ד, כב' ז, יז' יב, כה' כג, תוך ד' כח, ב' ל, לא'

**שמואל ב** ה, טז' ז, יז' כא, כב' כב, נא' כג, ז'

**מלכים א** יב, יז' טז, כב' כ, כב'

**מלכים ב** א, ב' ח, ו' יג, ט' יח, יב' יט, יד'

## סתומות

**יהושע** א, ט' יא' ב, כד' ג, ד' ו' ח' ד, תוך א' ג' יג' יד' כד' ה, א' ח' יב' ו, א' יא' כה' כו' ז, א' ט' ח, יז' תוך כד' לח' ט, ב' י, ז' יא' יד' כו' כח' ל' לב' לג' לה' לז' מג' יא, ה' ט' כ' כג' יב, ו' יג, יד' כג' כח' יד, ה' טו' טו, יט' לב' לו' מא' מד' מו' נא' נד' נז' נט' ס' סב' סג' טז, י' יז, יג' יח' יח, י' כח' יט, ט' טז' כג' לא' לט' מח' נ' כ, ט' כא, ג' ד' ה' ו' ז' ח' יב' טז' יט' כב' כג' כד' כו' כז' כט' לא' לג' לה' לט' מב' מה' כב, ו' ח' יב' כ' כט' כג, טז' כד, טו' יח' כו' כח'

**שופטים** א, טו' כא' כו' כח' כט' ל' לב' לו' ב, תוך א' ה' י' כג' ג, ו' יא' ל' לא' ו, י' יט' כד' לב' ז, א' ג' ו' ח' יד' יח' ח, ט' כא' כח' לב' לה' ט, ה' כא' כה' מא' מה' מט' נז' י, ב' י' טז' יח' יא, ג' יא' כח' לג' מ' יב, ז' י' יב' טו' יג, א' כה' יד, כ' טו, ח' כ' טז, ג' כב' לא' יז, ו' יח, א' ו' לא' יט, ל' כ, ב' יא' טז' כג' כט' לד' מח' כא, ד' יב'

**שמואל א** א, כח' ב, כא' לו' ג, ג' י' יח' כ' כא' ד, תוך א' ה, ה' יב' ו, יד' טז' יז' ז, א' ב' ד' ח, ג' ו' ט' י' כא' כב' ט, יד' כ' כא' כז' י, ט' תוך יא' טז' כא' תוך כב' כד' כז' יא, י' יג' טו' יב, ה' יז' יט' יג, יב' יד' יח' כג' יד, ה' ז' טז' תוך יט' לה' תוך לו' מ' מה' מח' נא' טו, א' ג' ט' טו' טז' יט' כא' כג' לא' לג' לה' טז, תוך ב' כג' יז, יא' טז' יט' כה' לג' לו' מד' נד' נו' יח, ה' ט' יג' טז' יז' כד' כט' ל' יט, ג' ז' י' יג' יד' טז' כד' כ, ד' ח' תוך י' יא' יז' כג' כו' כט' לא' לג' לד' מב' כא, ה' ט' תוך י' יד' טז' כב, ד' ה' ח' יא' יג' יז' כג, תוך ב' ג' ה' יא' יב' טו' יח' כד. א' ב' ח' טו' כג' כה, א' לא' מג' כו, ז' כה' כז, ד' ו' יב' כח, יד' כה' כט, ג' ה' ז' יא' ל, ו' יב' כא' כב' כד' כה' לא, ז' יג'

**שמואל ב** א, ד' טו' כז' ב, ד' ז' ט' יא' ג, א' ה' יא' יג' ל' לב' לז' לט' ד, ג' יב' ה, תוך ב' ג' י' יב' תוך יט' כא' כה' ו, תוך כ' כג' ז, ג' תוך ד' כט' ח, ח' יח' ט, יג' י, תוך יז' יט' יא, א' טז' כד' כז' יב, ו' תוך ז' י' יב' תוך יג' כה' לא' יג, כב' כז' לא' לג' לט' יד, ד' ז' ט' יב' יז' תוך יט' כ' כג' כד' כז' ל' לג' טו, ו' ט' יח' כד' כו' לז' טז, ט' י' תוך יג' יג' יט' כג' יז, ד' ו' תוך יד' יד' כ' כג' כו' יח, תוך ב' ג' יח' תוך כח' לא' לב' יט, ה' ח' ט' יא' כא' כב' כד' כט' לא' לח' מ' מב' מג' כ, ג' ה' ח' תוך י' יט' כב' כו' כא, תוך א' תוך ו' יד' יז' יח' יט' כג, לט' כד, ב' תוך י' תוך יא' יג' טז' יז' תוך כג'

**מלכים א** א, לא' נג' ב, ו' י' יב' כב' כה' כז' לח' מ' מו' ג, ב' ד' יד' טו' כג' ד, א' ו' יב' יג' יד' טו' טז' יז' ה, א' ה' ח' יד' טו' כ' כה' כח' לב' ו, י' יג' ז, יב' כב' כו' לז' לט' נ' נא' ח, יא' כא' לב' לד' לו' מ' מג' נג' סו' ט, א' ט' יג' כב' כח' י, יג' יז' כה' כט' יא, ו' י' יג' כה' כח' תוך לא' מג' יב, יט' כא' כד' לג' יג, י' לב' לד' יד, ד' כ' כד' לא' טו, ח' כד' לב' לד' טז, ז' יד' כ' כח' לד' יז, א' ז' יג' טז' כד' יח, מה' יט, יד' כא' כ, כה' לד' מג' כא, טז' כז' כב, מ' נא'

**מלכים ב** א, יד' תוך יז' יח' ב, כב' ג, ג' כז' ד, ז' לז' מא' מד' ה, יט' כז' ו, ז' כג' לג' ז, ב' כ' ח, טו' כד' כט' ט, כח' לז' י, יז' כט' תוך לב' לו' יא, ג' יב' טז' כ' יב, ו' יז' כב' יג, יג' יט' כה' יד, ז' טז' כב' כט' טו, ז' יב' טז' כב' כו' לא' לח' טז, כ' יז, ו' כג' מא' יח, ח' טז' יט, יט' לא' לד' לז' כ, ג' יא' כא' כא, יא' יח' כו' כג, ל' לה' כד, ז' יז' כ' כה, ז' כד' כו'

# לוח ההפטרות לכל השנה

## (הקו לרחב הוראתו: עד, ולא „עד" בכלל)

**בראשית**: ישעיה מב, ה' — כב' לספרדים,
— מג, יא' לאשכנזים.
**נח**: ישעיה נד, א' — יא' לספ', נה, ו' לאש'.
**לך**: ישעיה מ, כז' — מא, יז'.
**וירא**: מל"ב ד, א' — כד' לספ', לח' לאש.'
**חיי שרה**: מל"א א, א' — לב'.
**תולדת**: מלאכי א, א' — ב, ח'.
**ויצא** לספ': הושע יא, ז' — יג, ו',
ולאש': הושע יב, יג' עד סוף הנביא.
**וישלח**: חזון עבדיה עד סוף הנביא.
**וישב**: עמוס ב, ו' — ג, ט'.
**מקץ**: מל"א ג, טו' — ד, ב'.
**ויגש**: יחזקאל לז, טו' — לח, א'.
**ויחי**: מל"א ב, א' — יג'.
**שמות** לספ': ירמיה א, א' — ב, ד',
ולאש': ישעיה כז, ו' בדלוג — כט, כד'.
**וארא**: יחזקאל כח, כה' בדלוג — ל, א'.
**בא**: ירמיה מו, יג' — מז, א'.
**בשלח** לאש': שופטים ד, ד', ולספ': ה, א' — ו, א'.
**יתרו**: ישעיה ו, א' — ז, א' לספ', ולאש' בדלוג — ט, ז'.
**משפטים**: ירמיה לד, ח' ובחזרה — לד, א'.
**תרומה**: מל"א ה, כו' — ו, יד'.
**תצוה**: יחזקאל מג, י' — מד, א'.
**תשא** לאש': מל"א יח, א' ולספ': כ' — מ'.
**ויקהל** לספ': מל"א ז, יג' — כז',
ולאש': מל"א ז, מ' — נא'.
**פקודי** לספ': מל"א ז, מ' — נא',
ולאש': מל"א ז, נא' — ח, כב'.
**ויקרא**: ישעיה מג, כא' — מד, כד'.
**צו**: ירמיה ז, כא' בדלוג — ט, כד'.
**שמיני**: שמ"ב ו, א' — כ' לספ', ולאש' — ז, יח'.
**תזריע**: מל"ב ד, מב, — ה, כ'.
**מצרע**: מל"ב ז, ג' — ח, א'.
**אחרי** (־קדשים): עמוס ט, ז' עד סוף הנביא.
**קדשים** לספ': יחזקאל כ, ב' — כא',
ולאש': יחזקאל כב, א' — יז'.
**אמר**: יחזקאל מה, טו' — מה, א'.
**בהר**: ירמיה לב, ו' — כח', ולק"ק — כג'.
**בחקתי**: ירמיה טז, יט' — יז, טו'.
**במדבר**: הושע ב, א' — כג'.
**נשא**: שופטים יג, ב' — יד, א'.
**בהעלתך**: זכריה ב, יד' — ד, ח'.
**שלח**: יהושע ב, א' — ג, א'.
**קרח**: שמ"א יא, יד' — יב, כג'.
**חקת**: שופטים יא, א' — לג'.

**בלק**: מיכה ה, ו' — ו, ט'.
**פינחס** (קודם ליז' בתמוז): מל"א יח, מו' — כ, א'.
**פינחס או מטות** (אחר יז' בתמוז): ירמיה א, א' — ב, ד'.
**מסעי**: ירמיה ב, ד' בדלוג לאש' — ג, ה', ולספ' — ד, ג'.
**דברים**: ישעיה א, א' — כח'.
**ואתחנן**: ישעיה מ, א' — כז'.
**עקב**: ישעיה מט, יד' — נא, ד'.
**ראה**: ישעיה נד, יא' — נה, ו'.
**שפטים**: ישעיה נא, יב' — נב, יג'.
**תצא**: ישעיה נד, א' — יא', וביד' באלול — נה, ו'.
**תבא**: ישעיה ס, א' — סא, א'.
**נצבים** (־וילך): ישעיה סא, י' — סג, י'.
**האזינו**: שמ"ב כב, א' — כג, א'.
**לשבת ר"ח**: ישעיה סו, א' עד הסוף.
**למחר חדש**: שמ"א כ, יח' — כא, א'.
**לפרשת שקלים** לספ': מל"ב יא, יז' ולאש': יב, א'—יב, יח'.
**לפרשת זכור** לספ': שמ"א טו, א', ולאש': ב' — לה'.
**לפרשת פרה**: יחזקאל לו, טז' — לז' לספ', ולאש' — לז, א'.
**לפרשת החדש** לאש': יחזקאל מה, טז' — מו, יט'.
ולספ': יחזקאל מה, יח' — מו, טז'.
**לשבת א' של חנוכה**: זכריה ב, יד' — ד, ח'.
**לשבת ב' של חנוכה**: מל"א ז, מ' — נא'.
**לשבת הגדול**: מלאכי ג, ד' עד הסוף.
**ליום א' של פסח**, לספ': יהושע ה, ב' — ו, ב',
ולאש' בדלוג: ג, ה' — ו, א'.
**ליום ב' של פסח**: מל"ב כג, א' בדלוג — כו'.
**לשבת וחול המועד**: יחזקאל לז, א', ובק"ק לו, לז'—לז, טו'.
**ליום ז' של פסח**: שמ"ב כב, א' — כג, א'.
**ליום ח' של פסח**: ישעיה י, לב' — יג, א'.
**ליום א' של שבועות**: יחזקאל א, א' בדלוג — ג, יג'.
**ליום ב' של שבועות**: חבקוק ב, כ' עד סוף הנביא.
**לתענית צבור במנחה**: ישעיה נה, ו' — נו, ט'.
**לתשעה באב שחרית**: ירמיה ח, יג' — ט, כד'.
**ליום א' של ראש השנה**: שמ"א א, א' — ב, יא'.
**ליום ב' של ר"ה**: ירמיה לא, א' — כ'.
**לשבת שובה**: הושע יד, ב', לפ' וילך בדלוג
— לסוף מיכה, ולפ' האזינו — יואל ג, א'.
**לשחרית יום כפור**: ישעיה נז, יד' — נט, א'.
**למנחת יום כפור**: יונה, כל הנביא.
**ליום א' של סכות**: זכריה יד, א' עד הסוף.
**ליום ב' של סכות**: מל"א ז, נא' — ח, כב'.
**לשבת וחול המועד**: יחזקאל לח, יח' — לט, יז'.
**ליום שמיני עצרת**: מל"א ח, נד' — ט, א'.
**לשמחת תורה**: יהושע א, א' — ב, א'.

88